46

פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניגט זיך!

…-ЦАЙТУНГЪ

פאָלקס-צייטונג

אָרגאַן פונ׳ם אַלגעמיינעם אידישן קאָמוניסטישן אַרבעטער-„בונד“
דריטער יאָרגאַנג

ערשיינט טעגליך.

60 ק׳

אַבאָנעמענטס-פּרײַז.
פּרײַז 36 ר., 3 … חודש 12 ר.

אַדרעס פון רעדאַקציע און קאָנטאָר:
קיעוו, קרעשטשאַטיק 36 …, קיעוו, פאָלקסצייטונג
טעל. 55 25

קיעוו. פרײַטאָג דעם 16 מאַי 1919

№ 66 (327)

איף די פראָנטן.

אָפּעראַטיווער באַריכט

פון די אַרמייען פון דער ראַטן-לאַטוויע.

13 מאַי.

ליבאַוער פראָנט.

אין יאַרמאַרער ריכטונג האָט דעם שונא׳ס א באַנצער-צוג אַהין א פּעולה באַשאָסן באָקאַלן, ער איז דורך אונזער אַרטילעריע פייער געצוווּנגען געווען אָפּצוטרעטן.

קורלענדער פראָנט.

אין ביטאַיער ריכטונג האָט זיך דעם שונא, א ראַנק דעם איבעריאַק פון בית געהאַט אײַנגענומען און אָפּגעשטופּט פון דער מיט דינגאַט, אָבער דורך דעם נים געצילטן פייער פון אונזער אַרטילעריע האָבן די ווײַסע גוואַרדיסטן געמוזט פאַרלאָזן דינגאַט. די פּאָזיציעס זײַנען אין צייט אויפגעשטעלט געוואָרן.

אין ביטשער ריכטונג האָט דער שונא געמאַכט אן אַטאַקע אויף דער מיט אַרטילעריע, דערבײַ האָט ער אים אײַנגענומען אַרײַנגעשטופּט פון דאָרט אונזערע טײלן, וואָס זײַנען באַלד אונזער טײלן האָבן צוריק אַרויסגעשטופּט דעם שונא. אויף זײַנע פריערדיקע פּאָזיציעס אַרײַנגעדרונגען אין ייִדישע אין אונזערע הענט.

פּאַנעוועזשער פראָנט.

אויף דעם רעכטן טײל פון שלאַכט-פעלד האָט דער שונא געפּרואווט מאַכן אן אַטאַקע אויף ישאַרטי און פּאַסיש, 10 ווערסט מערבדיק פון פּאַסיש, אָבער ער האָט געמוזט נאָך אַפּטרעטן אונטער אונזער שטאַרקן פייער. אויף דעם רעכטן טײל פון פראָנט האָט דער שונא שטאַרק מאַך געפּרואווט פאַרנעמען דאָס האָרט ליבאַר, אָבער ער איז ערשט מאָל אָפּגעשלאָגן געוואָרן דורך אונזער פייער. אויף דעם גאַנצן פראָנט — א שיסערײַ פון ביקס. די אויסשפּירונגען דויערן ווײַטער.

ווילנער פראָנט.

אויף דעם רעכטן טײל פון פראָנט האָבן אונזערע טײלן נאָך א שלאַכט פאַרלאָזן די שטעטל נעדראַיצי.

אויף נאָוואָאַלעקסאַנדער ריכטונג — אָהן שנויים.

(ביפ)

מאָסקווע, 14 מאַי.

צפון-פראָנט.

צפון-דווינער ריכטונג.

די אַקטיווע אָפּעראַטיווע פאַרזוכן פון דעם שונא׳ס פלאָטיליע זײַנען אָפּגעשלאָגן געוואָרן דורך דעם אַרטילעריש פייער פון אונזערע טײלן. אין די איבעריגע ריכטונגען — אָהן שנויים.

מיזרח-פראָנט.

אָלענעצער ריכטונג.

אונזערע טײלן האָבן פאַרנומען עטלעכע דערפער, צוויי ווערסט צפון-מזרח׳דיק פון אָראָנעץ.

אין ראַיאָן פון טשודראָוער? האָט דעם שונא׳ס פלאָטיליע באַשאָסן גראָ־מיש אַרטילעריע.

אין מאַריענבורגער ריכטונג האָט די רויטע ערשטע קאַוואַלעריע געמאַכט …

א גערעכנטער אָנגריף איז די האָט דער ערבער פאַרכאַפּט בתּשיס און פערד.

די ווײַטער לאַטווישע טײלן האָבן גענומען א שטעטל נעדראַיצי אין שטעטל איצט בײַ דער שטעטל נאַראָטש, 10 ווערסט דרום-מזרח׳דיק פון ווילקאָמיר.

דרום-פראָנט.

אונזערע טײלן האָבן אין יוזאָווקער ראַיאָן פאַרנומען בעשעווא, 15 ווערסט דרום-מזרח׳דיק פון פּאָסאָד יוזאָווקע. אין דעבאַלצעווער ראַיאָן זײַנען אונזערע טײלן אָפּגעטראָטן. אויף דער ליניע, 15 ווערסט דרום׳דיק פון דעבאַלצעווא.

אין ליגאַנסקער ראַיאָן זײַנען אונזערע טײלן אַרײַנגעגאַנגען אויף דער ליניע טשערנאָלאָזקע, קאַראַקאַיא, וואַלטשאַיא, 20 ווערסט מערבדיק פון ליגאַנסק פון די ווײַטערדיקע ידיעות וואָס זײַנען אָנגעקומען …

פון דעם דיוויזיע פון שונא בײַ נאַיא באַבאַראָווקע, 50 ווערסט מזרח׳דיק פון ליגאַנסק, געמאַכט געפאַנגענע, האָבן 20 מאַשינעגעווער און א גרויסע צאָל קייל …

טיבאָרעצקער ריכטונג.

דעם שונא׳ס אַטאַקעס בײַ דעם אַרטיבאַנער פון טײך מאַניטש, זײַנען דורך אונזערע טײלן אָפּגעשלאָגן געוואָרן. דרום-מזרח׳דיק פון וועליקאָקניאַזשעסקאַיא דויערט נאָך א פאַרביטערטער שלאַכט.

מזרח-פראָנט.

אורעלער ראַיאָן.

דער שונא באַשיסט נאָך אַלץ פון אַרטילעריע די שטאָט אוראַלסק.

אָרענבורגער ראַיאָן.

דער אָנגריף פון שונא מזרח׳דיק פון אָרענבורג איז דורך אונז אָפּגעשלאָגן.

50 ווערסט צפון-מזרח׳דיק פון אָרענבורג האָבן מיר אויף דעם לינקן ברעג פון טײך אַבדולין שעדבענט? פאַרנומען עטליכע דערפער.

סטערליטאַמאַקער ראַיאָן.

אונזערע טײלן האָבן פאַרנומען א ליניע 25 ווערסט דרום מערב׳דיק פון סטערליטאַמאַק. אונזער חיל האָט פאַרנומען טשאַראַיע, 25 ווערסט פון טשאַראַיע האָבן מיר אַהין א שלאַכט געפאַנגענעמען 1100 געפאַנגענע, 15 קיילעמיאַ-פערד, זייער פיל ביקסן און פאַרשידענע מיליטער-מאַטעריאַלן.

בוגולמינער ראַיאָן.

אונזער טײל האָבן מזרח׳דיק פון דער איזענבאַן, דערנעבן דעם טײך דיקע און זײַנען אַרײַנגעגאַנגען 25 ווערסט דרום-דיקער פון בוגולמע.

אין ראַיאָן פון וואָטקע האָבן מיר פאַרנומען דעם אַיבערשטן און אונטערשטן יאַסטרוב.

אין סאַראַפּולער ריכטונג האָבן מיר ווײַטער פאַרנומען די איבערגאַנגען איבער דעם טײך קאַמע, 6 ווערסט מזרח׳דיק פון יאַסיליע. האָבן אונזערע טײלן מיט א שלאַכט פאַרנומען עטליכע דערפער.

פערמער ראַיאָן.

אונזער אָנגריף בײַ וואָרעינסקים און זאָיאָר דויערט ווײַטער. מזרח׳דיקער האָבן אונזערע טײלן פאַרנומען דעם זאַיאָר בייעשטאַיעט. (ביפ).

גריגאָריעווס אַוואַנטיורע ווערט ליקווידירט.

אין שטאַב פון דער קאָמאַנדע פון דער אוקראַינישער רויטער אַרמײ זײַנען אָנגעקומען נײַע ידיעות וועגן די אָפּעראַציעס געגן גריגאָריעוו. די אַוואַנטיורע האַלט שוין בײַם ליקווידירט ווערן. דאָס קאָמוניסטישע מיליטער באַפרײַט, אײַנע נאָך דער אַנדערער, אַלע געגנטן, אויף וועלכע ס׳האָט זיך פאַרשפּרייט די פּראָוואָקאַטאָרישע אַרויסטרעטונג פון גריגאָריעוו.

אין א סך פּונקטן קומען פאָר שלאַכטן מיט די מער פאַרקעשענעמע טײלן פון גריגאָריעווס מיליטער און אַלע שלאַכטן ענדיקן זיך מיט א פולשטענדיקן נצחון פון דעם ראָטן-מיליטער.

די אַלע טײלן, וואָס געבן זיך איבער דעם ראָטן-מיליטער, ערקלערן, אַז זיי האָבן גאָר ניט געווּאוסט וועגן דער ראָטן-מאַכט אין אַז זיי זײַנען געווען פּרייער, אָפּגענאַרט דאָס לעבן האָבן מיט דער קאָנטר-רעוואָלוציע.

געכאַפּט האָט דאָס ראָטע מיליטער פאַר גאָר א קורצע פריסט אין באַנדעס פון גריגאָריעווס שטאַב, דער שעדימאַריע, וועלכע איז פאַרנומען דורך זײַנע באַנדעס, אויך זײַנען אין משך פון די לעצטע 2 טעג געגעבן אײַנגעצוואָרט די באַנדעס אויף דעם רעכטן ברעג פון דניעפּר. אין אײַניקע ערטער זײַנען די באַנדעס צו-קיעשט צו דער ברוק, און באַקומען אן׳אולטימאַטום אָפּצוגעבן דאָס געווער. געבנדיק האָבן די ראָטע טײלן געזאָלט איבערגעבן איבער דעם רעכטן ברעג פון דניעפּר.

צווישן יעליסאַוועטגראַד און קאָנאָטאָ-נאַיא קומט פאָר א פאַרעקשנטער שלאַכט צווישן דעם ראָטן-מיליטער און דעם הויפּט-קערן פון גריגאָריעווס באַנדעס. אײנער פון די נעענטסטע גריגאָריעוס פאָלק, האָט ערקלערט, אַז ער גיט זיך איבער.

נײַנטיקע גײען איצט די אָפּעראַציעס אין דער געגנט פון טשערקאַס — באָברינסקאַיא אין מ׳רעכנט, אַז הײַנט מאָרגן וועלן דאָרט די מערדער זיך מוזן אונטערגעבן.

גריגאָריעוו האָט זיך געווענדעט צום אַטאַמאַן מאַכנאָ נאָך הילף און האָט אים פאַרגעלייגט צוזאַמען גיין אויף קיעוו, נאָר מאַכנאָ האָט זיך ענטשידן אָפּגעזאָגט און האָט ערקלערט א אומבאַרעכטיקטן קאַמף געגן גריגאָריעווס אַוואַנטור.

צוליב מאַכנאָס א געלונגענעם סטראַטעגישן מאַנעווער האָט זיך לײַכט אײַנגע-געבן אין עטלעכע שעה אָפּרײַניקן די גאַנצע יעקאַטערינאָסלאַווער געגנט פון גריגאָריעווס באַנדעס.

לויט די לעצטע ידיעות, זײַנען גרי-גאָריעווס באַנדעס ענדגילטיק פאַרטריבן געוואָרן פון טשערקאַס. דאָס ראָטע מיליטער האָט פאַרנומען די סטאַנציע ציבע? סקאַווא סמעלע איז אויך פאַרנומען געוואָרן.

די פאַרוואַלטונג פון גריגאָריעווס באַנדעס דויערס ווײַטער. זיי ווערן גע-טריבן צו די טשערקאַסער זומפּן. גרי-גאָריעוו איז פון אַלע זײַטן אַרומגע-רינגלט. פון פּאַסטאָוו איז אַוועק אַפּ-טײלונג פון ראָטן מיליטער אין דער ריכטונג צו קאַריסון צו, מאַכנאָ מאַכט אן אָנגריף אויף זנאַמענקאַ, פון יעלי-סאַוועטגראַד ווערן די באַנדעס געיאָגט צו צפון צו. אויף אַזאַ אופן געפינט זיך גריגאָריעוו מיט זײַנע באַנדעס אין א אײַזערנעם רונג, וועלכער נעמט אַרום די ליניע קאַרסון טשערקאַס — אַלעק-סאַנדריע יעליסאַוועטגראַד — פּאָמאָשט-נאַיא. אין די אַקטאַריסטע קרײַזן איז מען זיכער אַז די טעג פון דער גאַנצער אַוואַנטיורע זײַנען געציילט.

מאַכנאָ געגן גריגאָריעוון.

מאַכנאָ האָט געשיקט א באַפעל צו אַלע זײַנע טײלן מ׳זאָל אָננעמען די ענער-גישסטע מיטלען אײַנצוהאַלטן דעם פראָנט אין ניט דערלאָזן קײן פאַראַט געגן דער רעוואָלוציע. גריגאָריעווס אַוואַנטורע מאַכט בשום אופן ניט אײַנגענוצט ווערן אויף אויפצופּעקן דעם פראָנט פאַר די קאָדעטן און ווײַסע גוואַרדיסטן. אין א צווייטן באַפעל פאַדערט מאַכנאָ פון זײַנע אָנהייגער מ׳זאָל אים צושטעלן א לע-בעדיקן דעם אַטאַמאַן גריגאָריעוו, מיט ווײַבן ער וויל זיך אַליין אָפּרעכענען.

די בלאָקאַדע

אָדעס, 10. די בלאָקאַדע האָט די לעצטע צײַט אָנגענומען א רײַבערישן כאַראַקטער. די אַנטאַנט שיפן ערלויבן ניט איבערצופירן פון קרים קײן אָדעס אפילו עפּל. מיט דער בלאָקאַדע פירן אין די ענגלענדער. אַלע שיפלאָך ווערן אָפּגעשטעלט און דאָס עסנוואַרג ווערט רעקווירירט. די בלאָקאַדע פאַרשפּרייט זיך איבער גאַנצן ברעג פון שוואַרצן ים.

אָדעס, 10. די אַנטאַנט שיפן זײַנען אָפּגעגאַנגען אין ים. בײַ הײַנטיקן טאָג געפינען זיי זיך 10 ווערסט לעבן דעם אינזל בערעזאַן. די קלאַנגען אַז מ׳האָט באַשאָסן די שטאָט אָטשאַקאָוו ווערן קאַ-טעגאָריש אָפּגעלייקנט.

צו דעם אָפּפאָר פון די קאָנסולן

אָדעס, 15. הײַנט איז אין איספּאָל-קאָם געקומען א פראַנצויזישע דעלעגא-ציע איבערצואַרבעטן די טעכנישע רעגלען וועגן דעם אָפּפאָרן פון די קאָנסולן און די אויסלענדישע אונטערטאַנען. אויף מאָרגן אין דער פריה איז באַשטימט געוואָרן דער אָפּפאָר פון די קאָנסולן דערווײַל פאָרן אָפּ דער שווײַצערישער קאָנסול כאַבערג און דער נידערלענדישער מונצי.

אין אויסלאַנד

דער דײַטשער פּראָיעקט

ליאָן, 14 מאַי.

דער דײַטשער פּראָיעקט וועגן דער „פעלקער ליגע“, וועלכער איז אין זיך כולל 60 פּאַראַגראַפן, איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם קאָמיטעט פון דער „פעל-קער-ליגע“. צו דעם פּראָיעקט איז בײַגע-לייגט א שריפט וועגן דער צווישנפעל-קערישער לאַגע פון אַרבעט. די פּרינציפּן פון דער ליגע, זײַנען לויטן פּראָיעקט פאָלגענדיגע: פאַרהיטן די צווישנפעלקע-רישע סכסוכים, אָנטוואָפנונג, פאַרזיכערן די פרײַהייט פון האַנדל, אַלגעמײנע עקאָ-נאָמישע גלײַכע רעכט, פאַרטײדיגונג פון די קלײנע נאַציעס, צענטראַליזירן א צווי-שנפעלקערישע אַרבעטער-פאַרטײ [illegible] רעגולירן די קאָלאָניאַלע פראַגן [illegible] אײַנגען די עקזיסטירנדיגע און [illegible] טערדיגע צווישנפעלקערישע [illegible] און בילדן א צווישנפעלקערישן [illegible] מענט. לויט דעם דײַטשן פּראָיעקט קענען אין דער ליגע אַרײַנגײן אַלע מלוכות, וועלכע האָבן זיך באַטײליגט אין דער איצטיגער מלחמה און די נייטראַלע מלוכות, וועלכע זײַנען אַרײַן אין האַאַגער צווישנפעלקערישן בוררים-געריכט. די אַלע איבעריגע מלוכות קאָנען אָננעמען [illegible] מיט א מערהייט [illegible] (ביפ)

דײַטשלאַנד נעמט ניט אָן דעם שלום-אָפּמאַך.

ווינען, 14 מאַי.

שײַדעמאַנס ערקלערונג אין דער דײַט-שער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, אַז די רע-גירונג קען ניט אָננעמען דעם פּראָיעקט פון ווערסאַלער שלום-אָפּמאַך, איז באַ-גענגט געוואָרן מיט רויִשנדע אַפּלאָדיס-מענטן.

הידיש? האָט ערקלערט, אַז יעדער דײַטש וועט גיכער גיין שטאַרבן, איידער צו ווערן א קנעכט בײַ זײַנע פײַנט. פון די ס. ד. האָט גערעדט דער דעפּוטאַט מילער פון ברעסלאַוו. ער האָט געזאָגט, אַז דער אָפּמאַך, וועלכן די אַנטאַנט האָט אײַנגעאַרבעט קאָן מען באַטראַכטן אַלס דעם שרעקליכסטן געזעץ געגן די סאָ-ציאַליסטן, וועלכער האָט ווען ס׳איז עק-זיסטירט.

די פאַרשטײער פון דער נאַציאָנאַלע פון פרויען שוץ האָט געזאָגט, אַז דער שלום וואָס די אַנטאַנט לײגט פאָר, טוט צו בײַ די דײַטשע פרויען און מוטערס יעדע האָפענונג, אַז זייערע קינדער זאָלן ווען עס איז דערלעבן א בעסערע צײַט.

די פאַרשטײער פון די איבעריגע פראַקציעס האָבן זיך אַלע זייער שאַרף אַרויסגעזאָגט געגן דעם ווערסאַלער שלום.

פאַר רוסלאַנד.

באַרקאָוו, 14 מאַי.

אין בערלין געפינט זיך איצט א גרוי-סע צאָל אַנטלאָפענע פון רוסלאַנד און אוקראַינע. די רעכטע פאַרטײען פירן א שטאַרקע אַגיטאַציע. דער גענעראַל לודענ-דאָרף, וועלכער איז געקומען קײן בערלין, איז עטליכע מאָל אַרויסגעטראָטן פאַר׳ן עולם אויף די פּלעצער און אויף די גאַסן. די לעצטע צײַט מערקט זיך שטאַרק דער ווילן פון דײַטשן פאָלק זיך צו פאַראײ-ניגן מיט רוסלאַנד געגן דער אַנטאַנט-איבער דער שלום וועט ניט געשלאָסן ווער-

אידישע אַרבעטער!
פאַרשרײַבט זיך
אין דער רויטער אַרמײ!

דער שלום מיט דייטשלאנד.

די טראגעדיע פון דער פייעריגער [illegible] האט זיך פארענדיגט מיט דער [illegible] פון א שלום־קאנפערענץ אין ווערסאל.

אט די קאנפערענץ האט איצטער איינגעטראגן דעם דייטשן פאלק די תנאים, אויף וועלכע דער שלום קען געשלאסן ווערן.

נאאיווע מענשן — און אזעלכע זיינען געווען זייער פיל — האבן לאנג געגלייבט אין ווילסאנס יושר, אינ'ם יושר פון דער מערב־איראפעאישער „דעמאקראטיע", אינ'ם יושר פון די אימפעריאליסטן, וועלכע האבן קיינמאל פארדעקט זייערע רויבערישע אינטערעסן מיט שיינע פראזן פון מענשן און פעלקער־ליבע.

די תנאים פון שלום, וואס די קאנפערענץ האט איצט ארויסגעשטעלט, ווארפן אלע אזעלכע אילוזיעס צעשטערט. דער אמת'ער פנים פון די וועלט־רויבער איז אויפגעדעקט, פון דער פארמעל „אהן אנעקסיעס, אהן קאנטריבוציע", אין וועלכער די רויבער האבן זיך שטארק אנגעכאפט, ווען זייער זיג איז נאך ניט געווען געזיכערט, איז איצט קיין זכר ניט געבליבן. לויט די תנאים ווערט דייטשלאנד ארומגעשניטן פון אלע זייטן, מען נעמט בא איר צו אזעלכע קאנטן, וואס זיינען דער נערוו פון איר אינדוסטריע, און די קאנטריבוציע איז אזוי [illegible], אז [illegible] לאנג וועט זי עס האבן צו [illegible]. מיט איין ווארט, דער שלום, וואס די קאנפערענץ [illegible] פאר, איז ניט נאר א מאסער [illegible], וואס טראגט אין זיך די קערנער פון אן אומפארמיידליכע נייע מלחמה, נאר א טויט־קלאפ פאר דייטשלאנד. און עס שטעלט זיך די פראגע, ווי אזוי דארף זיין די באציהונג פון דייטשן פראלעטאריאט צו די דאזיגע שלום־תנאים. צי דארף אט דער שלום אונטערגעשריבן ווערן, רעכענענדיג זיך מיט די שווערע באדינגונגען, אין וועלכע דייטשלאנד געפינט זיך איצט, אדער אזא שלום טאר בשום אופן ניט אונטערגעשריבן ווערן.

אין א ענליכע לאגע האט זיך געפונען די ראטן־רוסלאנד, בעת זי איז געווען געצוואונגען צושליסן דעם בריסקער שלום.

אויך דאן איז די מיליטערישע לאגע פון רוסלאנד געווען אזעלכע, אז דער שלום האט געמוזט געשלאסן ווערן, ווען ניט, וואלטן די וויכטיגסטע פונקטן אקופירט געווארן פונ'ם דייטשן היר און דאס וואלט געשטעלט אין סכנה די מאכט פון די ראטן.

די ראטן־מאכט, וואס קען האבן א קיום נאר אין אינטערנאציאנאלן מאסשטאב, האט אין יענער צייט נאך געהאט פערספעקטיווע אויף דער אינטערשטיצונג פון אייראפעאישן פראלעטאריאט, זי האט אבער ניט געהאט נאך קיין דירעקטע [illegible] צייטונג, און דעריבער איז אין יענער צייט נויטיג געווען צושליסן דעם בריסקער שלום, כדי אויפצוהאלטן די מאכט פון פראלעטאריאט ביז דער צייט, ווען די רעוואלוציע וועט זיך פארשפרייטן אין אנדערע לענדער. דאן איז די פראגע געשטאנען נאר וועגן דעם, וואס וועט גיכער אויפוועקן די פראלעטאריער אין אנדערע לענדער בכלל און פון דייטשלאנד בפרט: די אקטיווע טעטיגקייט, די עקזיסטענץ פון דער פראלעטארישער מאכט אין [illegible] מלוכה, זאל אפילו זיין א [illegible] אדער א שוואכע, אדער פארקערט, די צושמעטערונג פון דער דאזיגער מאכט דורך די דייטשע אימפעריאליסטן.

אהן צווייפל, אז אט דער לעצטער אומשטאנד וואלט נאר אפגעשוואכט די רעוואלוציאנערע עלעמענטן פון פראלעטאריאט, און דעריבער איז דער בריסקער שלום נייטיג געווען.

גאנץ אנדערש איז די לאגע איצט אין דייטשלאנד. דער רעוואלוציאנערער דייטשער פראלעטאריאט איז ניט אליין אין זיין קאמף, ער האט דעם רוסישן פראלעטאריאט מיט [illegible] און רעוואלוציאנערן ענטוזיאזם. ער האט ביי זיך די פראלעטאריער פון אלע אנדערע רעוואלוציאנערע [illegible] לענדער, און אפילו דער פראלעטאריאט פון די [illegible] לענדער איז שוין אויך לאנג אויסגענוכטערט פון דער שכרות, אין וועלכער דער נצחון האט אים א שטיקל צייט געהאלטן, ער זעהט שוין, צו וואס די אימפעריאליסטן פירן, ער פילט שוין די [illegible] פון נייע מלחמות.

און דעריבער, ווען דער דייטשער פראלעטאריאט וואלט איצט ארויסגעוויזן א ווידערשטאנד די רויבערישע אימפעריאליסטן, ווען ער וואלט זיך קאטעגאריש אפגעזאגט אונטערצושרייבן דעם שענדליכן שלום און דערמיט געצוואונגען די אימפעריאליסטן זיך ווידער נעמען צום געווער — אט דאס וואלט געמוזט ארויסרופן א רעוואלוציע אין די זיגרייכע לענדער. און די פראטעסטן, וואס רופן איצט ארויס די תנאים פון שלום ביים פראנצויזישן פראלעטאריאט, וואלטן זיך פארוואנדלט אין רעוואלוציאנערע ארויסטרעטונגען, אויב דער דייטשער פראלעטאריאט וועט געבן א געהעריגן ווידערשטאנד.

אויף דעם איז אבער ניט פעהיג די רעגירונג פון שיידעמאן, וועלכע טראכט מעהר, ווי זיך צו ראטעווען פון די קאמוניסטישע ארויסטרעטונגען, איידער וועגן די אינטערעסן פון פראלעטאריאט.

אויף דעם וועט קען נאר פעהיג זיין אן אמת'ע פראלעטארישע רעגירונג, א ראטן־רעגירונג.

י. פר[illegible]ל.

בארקאווער אידישער קאָמי־ סאריאט.

בארקאווער גובערניע דאס איז א ניי־בערניע, אין וועלכער ס'זיינען כמעט ווי ניטא קיין אידישע ארבעטער־מאסן. אהער איז נור צוגעקומען די [illegible] פון בעזשענצעס בעת דער מלחמה, וואס איצטער פארן זיי זיך אויף פאנאנדער אהיים. כארקאווער גובערניע איז די איינציגע אויף אוקראינע, אין וועלכער ס'איז געווען ארגאניזירט א גובערניאלער קאמיסאריאט פאר נאציאנאלע ענינים מיט אן אידישער אפטיילונג, וואס טראגט אויך דעם בריטן נאמען „קאמיסאריאט פאר אידישע נאציאנאלע ענינים".

איצט האבן מיר באקומען א באריכט פון זיין טעטיגקייט אין א משך פון דריי חדשים, און מיר קאנען פון אים מאכן א ריי וויכטיגע אויספירונגען. אין באריכט ווערט דערציילט, אז מ'האט אנערקענט פארן אידישן קאמיסאריאט די ברייטסטע איניציאטיווע און קאנטראל, ער האט אפילו א פארטרעטונג אין דער אפטיילונג פון סאציאלער פארזארגונג, נאר ס'איז פון באריכט אבסאלוט ניט קלאר, צוליב וואס דארף דאס זיין א פארטרעטונג דווקא פון אידישן קאמיסאריאט, צי קאן ניט די זעלבע איניציאטיווע און קאנטראל ארויסווייזן די אידישע קאמוניסטישע [illegible] ציע דורך דעמזעלבן חבר [illegible].

מיר האבן געקוקט אין דער טעמע פון [illegible] טעטיגקייט אין פראגע, ווייזט זיך אויס — די קולטורעלע פלעגער דווקא ברייטע, פארצייכנטע. דא האבן מיר אי אונזער שיל, אי קינדערשיל, אי קלובן, אי פארלעגערישע ארבעט, וואס באווייזט, אז נור ביי א ספעציעלע אידישע קולטורעלע אינסטיטוציע קאן מען ברייט אנטוויקלען א קולטור־ארבעט אין מלוכה־מאסשטאב. נאר אונז האט שטארק געוואונדערט, וואס מ'האט א פאראלעלער מיט אפטיילונגען פון [illegible]־שול־בילדונג און ס'איז ניטא קיין אנפירער מיט דער גאנצער קולטורעלער ארבעט, און ווייזט זיך אויס, אז ער איז פאראן, דאס איז אייגענטליך דערזעלבער אידישער קאמיסאר, וואס האט דערצו אויך א געהילף.

א שרייענדער נאמען, וואס פילט אן מיט [illegible] די נאציאנאליסטיש — געזאנגע עלעמענטן צווישן די אידישע קאמוניסטן, וואס זיי זיינען פאראן גענוג אויך ביי דער אידישער סעקציע פון דער קאמוניסטישער פארטיי.

פאראן נאך אן כאראקטעריסטישע באמערקונג אין באריכט. דער מחבר שרייבט, אז עס זיינען געווען רייבונגען צוליב דעם, וואס דער אידישער קאמיסאריאט האט געוואלט ארבעטן אינגאנצן זעלבשטענדיג אין קולטורעלן געביט אהן שום הכבד מיט דער אלגעמיינער שול־אפשטעלונג — [illegible] ארגאניזירט אין געוויסע גרעניצן [illegible] אונזער [illegible] אין בעסטן פאל האט מען [illegible] די בארקאווער אידישער אינסטיטו[illegible] מיט'ן נא־ מען: קאמיסאריא[illegible] ענינים פון אידישער קולט[illegible] יורידישע ביורא ארגאניזי[illegible] מיט אין דער אלגעמיינער יורידישער אפשטעלונג, נאר אין בארקאווער גובערניע איז דאס איין א גרויסער לוקסוס, מ'האט געקאנט זיין פיל באשיידענער.

אין כלל דארפן אבער דערפון ארויסנעמען די אידישע קאמוניסטן אין קיעווער גובערניע: די בארקאווער אידישע קאמוניסטן האבן געמאכט פעלערן, זיי האבן אבער געטון און דאס איז זייער פארדינסט. די קיעווער אידישע קאמוניסטן האבן געמאכט נור פראיעקטן, זיי האבן אפילו קיין פראקטישע פעלערן ניט געמאכט.

מ.

[illegible]ער

דער[illegible] (ראש [illegible]בטער [illegible]אנד, [illegible]ער) [illegible]שער־בלא[illegible] [illegible]לידער) [illegible]ייסנס עסק (דערציילונג [illegible]ישע מיניסטע[illegible]

קהלה, א־ [illegible]ער־גארט [illegible]ר״ דערז [illegible]ייסן ני [illegible]ילונג [illegible]יעשי. [illegible]לד סן [illegible] 1 [illegible]אלמה [illegible]ון א [illegible]יכ [illegible]ס.

וועגן פאראייניגונג.

(צו דער קאנפערענץ).

די פראגע וועגן פאראייניגונג מיט די „פאראייני[illegible] שטערט ווידער אויף דעם מאגעם [illegible]נג פון אונזער נאהענטער קאמוניס[illegible] קאנפערענץ. און [illegible]ער ווייס צו וועט [illegible] די פראגע דאס מאל ענדגילטיג ליק[illegible] ווערן ביי יעדער דענקענדן ארבעטער [illegible] שטעלט זיך די פראגע וואס באט[illegible] די [illegible] פון צוויי אידישע [illegible]טארישע פארטייען, וועלכע אנערקענען בעידע דעם קאמוניסטישן שטאנדפונקט, ארבעטן אין די ראטן־אנשטאלטן, וואס זיי פארנעמען פאראנטווארטליכע פאסטענס, און טראגן איינע און די זעלבע אחריות פאר די אלגעמיינע רעגירונגס פאליטיק.

איז דען ניט אן אומזין, וואס צוויי [illegible] גרופע פארטייען געבען ארויס צוויי צייטונגען און וועלכע זיי שטיצן אויף איינעם און דעם זעלבן אופן די אלגעמיינע רעגירונגס טאקטיק, וועלכע רעדן אויף איינער און דער זעלבער פאליטישער שפראך, פראקלאמירן כמעט איינע, און די זעלבע אלגעמיינע לאזונגען?

וואס פארא פרינציפיעלע מיינונגס פארשיידענהייטן מאכן אונמעגליך די געמיינזאמע ארבעט פון אט די בעידע קאמוניסטישע גרופן אין די רייהען פון איין אידישער קאמוניסטישער ארגאניזאציע, אזעלכע וואלט געווארן דארט פיל שטארקער, ווייל די ארבעט וואלט ניט זיין אזוי צעבראקעלט, וואו ס'וואלט געווארן מעגליך איינצושפארן כח, געלט, [illegible] קרעפטן און אויפן חשבון פון דער דאזיגער עקאנאמיע פארברייטערן, פארטיפן די ארבעט צווישן דעם אידישן פראלעטאריאט און העלפן אים פארנעמען דעם פאסטענדיגן ארט אין די אלגעמיינע קאמוניסטישע רייהען?

ס'איז שווער צו געבן אן ענטפער אויף דער פראגע, עס איז שווער צו געפינען ערנסטע מאטיוון וואס זאלן בארעכטיגן אט דעם „שבת מאכן פאר זיך". עס זיינען צווישן אונז פאראן חברים, וועלכע זוכן אויס אזעלכע מאטיוון ד „פאראייניגטע" האבן זיך נאך ניט אין גאנצן באפרייט פון זייער אלטער טראדיציאנעלער אידעאלאגיע, זיי זיינען נאך אנגעשטעקט מיט נאציאנאליסטישע שטימונגען, זיי זיינען נאך ניט קיין כשרע קאמוניסטן און דעריבער מוז מען נאך א ביסעל אויסווארטן, ביז זיי וועלן זיך אין גאנצן אויסניכטערן און די פאראייניגונג מיט זיי וועט ווערן מעגליך.

ווען עס וואלט זיך געהאנדעלט וועגן אריבערציהען אין קאמוניסטישן בונד איינצעלנע פערזאנען, דאן וואלטן נאך די דאזיגע מאטיוון געהאט א ווערט אין זיך, ווייל צווישן די פאראייניגטע זיינען נאך דא וואקלענדע ניט פעסט איינגעשטעלטע קאמוניסטן. (און וואו זיינען זיי ניט דא?)

אבער דא האנדעלט זיך וועגן פאראייניגונג ניט מיט פערזאנען, נאר גרויסע קרייזן ארבעטער, וועלכע ערקלערן דורך זייערע פארשטעהער, אז זיי האבן זיך באפרייט פון זייער אלטער אידעאלאגיע, אז זיי האבן זיך געשטעלט אויף דעם קאמוניסטישן שטאנדפונקט און זיינען געווארן א טייל פון דער קאמוניסטישער משפחה, הייסט פאר וואס דארף מען זיי פסלנען? נאר דערפאר וואס זייערע אידעאלאגן האבן א מאל אנדערש געדענקט און צווישן זיי זיינען נאך דא אזעלכע, וואס זיינען נאך א ביסעל נאציאנאליסטיש געשטימט?

בעת אייניגע ארגאניזאציעס פון די ליגע ס. ר.'ן האבן זיך ערקלערט פאר קאמוניסטישע, האט די קאמוניסטישע פארטיי ניט פארמאכט פאר זיי אירע טירן, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס זייער אידעאלאגיע איז ביז דער לעצטער מינוט געווען אן עסערישע, און צווישן זיי זיינען נאך געוויס דא אויך וואקלענדע ניט פעסטגעשטעלטע קאמוניסטן.

די „פאראייניגטע", זאגט מען, זיינען פאר אידישע ארבעטער ראטן, פאר אן אידישן קאמיסאריאט: און מיר זיינען געגן אידישע ארבעטער־ראטן און באגנוגענען זיך דערווייל מיט סעקציעס אין איינציגע צענטראלע קאמיסאריאטן, א[illegible] די זעלבע פראגן האבן אויך אין אונזערע איינציגע רייהען ארויסגערופן חלוקי־[illegible] אי מען האט קיינעם ניט געפסלט.

אין דעם איצטיגן ענטשיידענעם מאמענט, ווען די דיקטאטור פון די א[illegible] [illegible]ענדע מאכט שטייט אין געפאר, עס קומט פאר א שלאכט אויף [illegible] פראנטן און עס פאדערט זיך וואס [illegible]ער צו פאראייניגן אלע קאמוניסטישע קרעפטן, כדי צו זיכערן דעם זיג, אין דעם דאזיגן מאמענט איז א פארברעכן צו גלייבלען זיך אין טעארעטישע קרי[illegible] חקירות, איבערזיין אויף די קאמוניסטישע פריינד זייערע אלטע חשבונות און מאכן זיי פאר אן אויסנאם פונקט פון פאראייניגונג.

אייניגע ארטיגע קאמוניסטישע ארגאניזאציעס, וועלכע זיינען ווייניגער געוואוינט צו קרייזל־חקירות, זיינען צו דער זאך צוגעגאנגען פראקטיש: ניט געפינענדיג צווישן זיך קיין גרויסע מיינונגס־פארשיידענהייטן אין דער ווייטערדיגער טאקטיק האבן זיי זיך פאראייניגט און פירן שוין זייער ארבעט. זאלן די צענטרען צווישן זיך צונויפרעדן אויף א קאנקרעטע פלאטפארם, זאלן זיי אוועקלייגן אין א זייט זייערע אלטע חשבונות און אויך זייער אלטן יחוס און זאלן זיי אויף די נאהענטע קאנפערענצן אויסארבעטן באשטימטע תנאים פון פאראייניגונג.

וועט זיך אין פראצעס פון געמיינזאמער ארבעט ארויסווייזן, אז דער שידוך

ל. טראצקי.

אין וועג.

געדאנקען וועגן גאנג פון דער [illegible] רעוואלוציע.

(ס״ה)

אין מאכט נאך דערפאר, וואס די רוסישע גרויס־אינדוסטריע האט געקראגן געווען אויף דער נאטירליכער ירושה פון דער נאציאנאלער ווירטשאפטליכער ענטוויקלונג, מאכנדיג א גיגאנטישן עקאנאמישן שפרונג איבער די איבערגאנגס עטאפן, האט זי דערמיט איינגעצייכנט ניט נאר די מעגליכקייט, נאר אויך די אומפארמיידליכקייט פון דעם פראלעטארישן שפרונג איבער דער עטאפע פון דער בורזשואזער דעמאקראטיע.

דער אידעאלאג פון דער דעמאקראטיע, זשארעס, האט זי פארגעשטעלט, אלס דעם אויבערשטן טריבונאל פון דער נאציע, איבער די קעמפנדע קלאסן. און דיעזע די קעמפנדע קלאסן — די קאפיטאליסטישע בורזשואזיע און דער פראלעטאריאט, — שטעלן דאס מיט זיך פאר ניט נאר די פארטייען פון דער נאציע, נאר אויך אירע הויפט באשליסנדיגע עלעמענטן, אדער בעסער געזאגט, די [illegible], בלייבן נאר די איבערגאנגס עלעמענטן — די קליינע בורזשואזיע, וועלכע איז באקריינט מיט דער דעמאקראטישער אינטעליגענץ.

אין פראנקרייך, מיט איר הונדערטיע־ מיט דער רענטנערישער שטאטישער קולטור, מיט איר קאמף פון די שטאטישע קאמונעס, מיט די [illegible] רעוואלוציאנערע שלאכטן פון דער בורזשואזער דעמאקראטיע, און, צולעצט, מיט דעם קאנסערוואטיזם פון דעם קליינבירגערטום, האט די דעמאקראטישע אידעאלאגיע ביז דער לעצטער צייט נאך אפגעהיט אונטער זיך דעם באקאנטן רימאנישן באדן.

דער בעסטער פארטיידיגער פון די אינטערעסן פון פראלעטאריאט, דער מיט איבערגעגעבענער דעם סאציאליזם, זשארעס, איז ארויסגעטראטן געגן דעם אימפעריאליזם, ווי א טריבון פון דער דעמאקראטישער נאציע. דער אימפעריאליזם האט, פינדעסטוועגן, גאנץ בולט דערוויזן, אז ער איז פיל שטארקער פון דער „דעמאקראטישער נאציע", פאלסיפיצירנדיג גרינג דעם פאליטישן ווילן פון דער לעצטער מיט דער הילף פון דעם פארלאמענטארישן מעכאניזם. אין יולי 1914 האט די אימפעריאליסטישע אליגארכיע אריבערגעשפאנט איבערן טויטן קערפער פון דעם טריבון צו דער מלחמה, און אין מארץ 1919 האט זי אפיציעל פארגעפרעסט מיט דער הילף פון דעם „אויבערשטן טריבונאל" פון דער נאציע, דעם מערדער פון זשארעס, געבנדיג דערמיט א טויט־קלאפ די לעצטע דעמאקראטישע אילוזיעס פון דעם פראנצויזישן ארבעטער־קלאס.

אין רוסלאנד האבן די דאזיגע אילוזיעס פון אנהויב אן ניט געהאט אויף וואס אנצושפארן זיך. ביי דער שווערפאלדיגער לאנגזאמקייט פון איר קולטור אנטוויקלונג האט אונזער לאנד ניט באוויזן צו שאפן א שטאטישע האנטווערק־קולטור. דאס קליינבירגערטום פון דער אייער־שטאט אקוראט איז ניט נאר פעהיג אויף פאגראמען, פארוואס גארקי האט זיך אין איין צייט אזוי דערשראקן, אבער ער איז אויך, בלי ספק, ניט פעהיג צו א זעלבשטענדיגער דעמאקראטישער ראליע.

אין מאסע נאך דערפאר, וואס די אנטוויקלונג פון ענגלאנד איז געגאנגען „לויט מארקסן", האט די אנטוויקלונג פון רוסלאנד געמוזט לויט דעם זעלבן מארקסן גיין מיט אנדערע וועגן.

דער רוסישער קאפיטאליזם, וועלכער האט איינגעפירט אונטערן דרוק פון דעם אייראפעאישן פינאנציעלן קאפיטאל מיט דער הילף פון דער אויסלענדישער טעכניק, האט אין משך פון עטליכע צענדליג יאר פארמירט א פיל מיליאניגן ארבעטער קלאס, וועלכער האט זיך [illegible] א שארפער [illegible] שניט אין דער סביבה פון דעם אלגעמיין פאליטישן רוסישן באַרבאַריזם. אהן די [illegible] טראדיציעס פון דער פארגאנגענהייט, האט דער רוסישער פראלעטאריאט באקומען, להיפך פון דעם מערב־איראפעאישן פראלעטאריאט, ניט נאר דעם כאראקטער פון ניט קולטורעלקייט, [illegible], אויף וואס די האלב געבילדעטע [illegible] קליינבירגער האבן ניט אויפגעהערט טענהן — מיט די פינגער, — נאר אויך שטריכן פון באוועגליכקייט, פון איניציאטיווע און פון אויפפאסונג פון די מאסע, [illegible] אויספירונגען פון זיין קלאסן־לאגע.

און אויב די ווירטשאפטליכע אפגעשטאנענקייט פון רוסלאנד האט גורם געווען די „קאטאסטראפאלע" אנטוויקלונג פון דעם קאפיטאליזם, וועלכער האט מיט א מאל באקומען דעם מער קאנצענטרירטסטן כאראקטער, ווי אין גאנץ איראפע, האט די זעלביגע אר־ גאניזירטע אפגעשטאנענקייט פון לאנד ביי דער „קאטאסטראפאלער" אנטוויקלונג פון דעם רוסישן פראלעטאריאט אים ערלויבט זיך שטעלן, פארשטייט זיך, נאר אויף א שטח פון א באוואוסטן היסטארישן פעריאד, אלס מער אנגעשפארט, מער מסירת־נפש־דיגן טרעגער פון די אידייען פון דער סאציאלער רעוואלוציע אין איראפע און אויף דער גאנצער וועלט.

איז געווען ניט קיין געלינגענער, וועט מען זיך צוגיין.

איך בין טיף איבערצייגט, אז נאר אין פראצעס פון געמיינזאמער ארבעט וועלן פארשוואונדן ווערן אט די אלע טראדיציאנעלע שירים, וועלכע שטערן איצט דער פאראייניגונג.

עס וואלט געווען לעכערליך צו דענקען, אז מיט דער פאראייניגונג וועלן פארשוואונדן ווערן אלע חלוקי-דעות אין די פאראייניגטע קאמוניסטישע רייען: דארט וואו עס פירט זיך א ברייטע מאסנבאוועגונג, דארט וואו די ברייטע ארבעטנדע מאסן ווערן אריינגעצויגן אין פראצעס פון סאציאליסטישן שאפן, דארט מוזן זיין פארשידענע סאציאלע עלעמענטן, וועלכע שפיגלען זיך אפ אין פארשידענע שטימונגען, פארשידענע ניואנסן, דארט זיינען אונפארמיידליך מיינונגס-צוזאמענשטויסונגען אויף דעם באדן פון דער אדער יענער אפשאצונג, באזונדערס, ווען עס האנדלט זיך וועגן באשטימען די אלגעמיינע טאקטישע ליניע; און דאס איז נאך קיין חסרון ניט; זאלן זיך צוזאמענשטויסן די פארשידענע מיינונגען, זאלן אויף פארשידענע אופנים אפגעשאצט ווערן די וועגן, די מיטלען, די צילן; אבער ווען עס גייט וועגן דורכפירן די טאקטיק אין לעבן, דארט איז נייטיג איין וועג, איין שטרענגע טאקטיק; דארט איז געפערליך די צעברעקלונג; דארט מוזן אלע קאמוניסטישע גרופן ארויסטרעטן אונטער איין פאן, פארבינדן זיך וואס ענגער כדי צו גיין מיט פעסטע טריט צום זיג.

דער מאמענט, וועלכן מיר לעבן איצט איבער, איז א ערנסטער, א ענטשיידנדער און די פאראייניגונג פון אלע קאמוניסטישע גרופן מוז ווערן דער לאזונג פון היינטיגן טאג. **ד. שלאסבערג.**

אין רבעטער-ראט.

זיצונג פון 14 מאי.

די טעטיגקייט פון איספאלקאם.

די זיצונג האט זיך אנגעהויבן מיט דעבאטן איבערן באריכט וועגן דער טעטיגקייט פונ'ם איספאלקאם, וועלכע האבן זיך ניט געענדיגט אויף דער פריערדיגער זיצונג.

אין די דעבאטן זיינען באריכט געווארן די דעפעקטן אין דער ארבעט פון פארשידענע אפטיילונגען ביים איספאלקאם.

ח' בובנאוו ענטפערט אין זיין שלוס-ווארט די קריטיקער און באטאנט, אז אין די באדינגונגען, אין וועלכע ס'קומט אים צו ארבעטן דער ראטן-מאכט, זיינען פעלערן און דעפעקטן אומפארמיידליך.

אין דער אנגענומענער רעזאלוציע ווערט געזאגט: 1) אנערקענען די אלגעמיינע ריכטונג פונ'ם גובערנסקי איספאלקאם פאר א ריכטיגע, 2) אנווייזן דעם גוב-איספאלקאם אויף דער נויטיגקייט צו קעמפן מיט'ן ביוראקראטיזם אין די ראטן-אנשטאלטן, פארקירצן די שטאטן און זיך איינשטעלן פארבינדן מיט די מאסן, 3) אפרייניגן די ראטן-אנשטאלטן פון ניט געוואונטשענע עלעמענטן, פארבעסערן די ערנערונגס-לאגע, לייזן תיכף די וואוינונג-פראגע, פארשטארקן די בילדונגס-ארבעט צווישן די ארבעטער א. א. וו.

מאבילזאציע פון ארבעטער

ס'האלט א רעדע דער איבער-קאמאנדיר פון אוקראינישן פראנט ח. אנטאנאוו.

ער ווייזט אן, אז וועגן קיין שום נארמאלער שעפערישער ארבעט קען נאך קיין רייד ניט זיין, און מ'קען עס ניט פאדערן פון די סאוונארכאז און איספאלקאמ', כל זמן מען האט נאך ניט בייגעקומען די שונאים פון דער ראטן-מאכט. די לאגע אויפ'ן סאציאליסטישן פראנט איז זייער א שווערע. די פראנצויזישע אימפעריאליסטן האבן זיך געמוזט אפזאגן פון אן אנגריף אויף אוקראינע, אבער זיי האבן זיך בשום אופן ניט אפגעזאגט פון קאמף קעגן אונז בכלל און זיי ארגאניזירן קעגן דער ראטן-מאכט א פארבאנד פון פוילן, רומעניע און טשעכא-סלאוואקן, א מין נייעם פאנאמא-קאנאל, וואס זאל אפגרעניצן די בורזשואזע אייראפע פונ'ם צעבושעוועטן ים פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע. די לאגע אין דאנער קאנט איז א שווערע, ניט געקוקט אויף אייניגע ערפאלגן, וואס מיר האבן געהאט די לעצטע טעג. די קאזאקן נעמען מיט זייער אנגריף אפ ביי רוסלאנד און אוקראינע די מעגליכקייט אויפצושטעלן די ווירטשאפט.

אריבערגייענדיג צו גריגאריעווס אויפשטאנד, ערקלערט ח' אנטאנאוו, אז די אוואנטורע, וואס האט זיך געהאלטן אויף אפנארן און פארשכור'ן די סאלדאטן, הייבט מען אן ליקווידירן. יעקאטערינאסלאוו איז שוין צוריק פארנומען און דארט איז ווידער איינגעשטעלט געווארן די ראטן-מאכט, ס'זיינען אנגענומען געווארן מיטלען אויף ארויסטרייבן גריגאריעווס באנדעס פון קרעמענטשוג. גריגאריעווס אייגענע טיילן, דערין זיין בעסטער פאלק, זיינען צוקלאפט, גאנצע מיליטער טיילן גייען איבער אויף דער זייט פון דער רויטער ארמיי און גיבן אפ דאס געווער, ערקלערנדיג, אז מ'האט זיי אפגענארט.

דער נצחון איבער גריגאריעוו, זאגט ח' אנטאנאוו, דארף אונז אבער ניט באַרוהיגן. מיר מוזן אנשטרענגען אלע כחות צו פארטיידיגן די ווייטע גרענעצן אויפ'ן דאן, אין די קאנטער-רעוואלוציע אין אוקראינע.

ח' אנטאנאוו ענדיגט מיט א רוף צו אלע ארבעטער צו קומען צו הילף דער רויטער ארמיי, ארייננעמענדיג זיך אין אירע רייען.

רעדע פון ח' פאדוואיסקי

ח' פאדוואיסקי זאגט אן, אז די רויטע ארמיי באשטייט איצט מ'ריב פון פויערשע עלעמענטן, וועלכע לאזן זיך שווער ארגאניזירן, ס'דארף די ארמיי אין א גרויסער מאס אנפילן מיט ארבעטער-עלעמענטן, און נאר דעמאלט וועט זי ווערן פעסטער, אייניגער און פאליטיש בעסער ערצויגן. די אויפגאבע איז צו דערגרייכן אזא שטופע, אז די ארמיי זאל זיך שלאגן ניט אויס מורא נאר באוואוסטזיניג. דאס איז מעגליך נאר דאן, ווען אין איר וועט זיין א גרויסער פראצענט ארבעטער.

די אלגעמיינע אויפגאבן פון די סאציאליסטישע פראנטן שטעלן פאר'ן פראלעטאריאט די פראגע וועגן מאבילזאציע פון אלע קריגס-פעהיגע ארבעטער. דער לאזונג איז איצט: אלע צום געווער!

ס'איז שוין ערקלערט א מאבילזאציע פון צוויי יאר, מ'רעכנט אויף ווייטער מאבילזירן פון 18 ביז 40 יאר צו צוויי יאר איין מאל, חוץ דעם דארף מאבילזירט ווערן די ארבעט לטובת דער רויטער ארמיי, אלע פאבריקן און ווערקשטאטן דארפן אנטוויקלען די מאקסימאלע פראדוקטיווקייט, אז דער [illegible] זאל גאר ניט אפגיין.

ס'איז אנגענומען געווארן פאלגענדע רעזאלוציע וועגן דער מאבילזאציע פון ארבעטער:

„דער וועלט-אימפעריאליזם שטרענגט אן זיינע לעצטע כחות צום קאמף מיט דער פראלעטארישער רעוואלוציע. דאס לעצטע וואס ווערט געשטעלט אין קאמף קעגן דעם נצחונ'דיגן קאמוניזם איז בא היינטיגן טאג די ווייסגווארדייאישע קראקישע ארמייען, וועלכע שטיצן זיך אויף די פארשידענע שיכטן פון דער קליינער בורזשואזיע: דאן, קובאן, פוילן, אוקראינע, גאליציע, רומעניע א. ז. וו. דער הויפט קלאפ פון די דאזיגע ארמייען איז געווענדעט קעגן דער רוסישער און אוקראינישער און אונגארישער ראטן-רעפובליק.

און אויב די אויפגאבע פון ברידערליכער הילף פאר דער ראטן אונגארן איז די הויפט אויפגאבע, וועלכע שטייט איצט פאר די ארבעטער מאסן פון אוקראינע, איז ניט אין א ווייניגער מאס אויך וויכטיג אפצוטרייבן די [illegible] פון דאן און קובאן פון די באוואפנטע כחות פון דער ווייסגווארדייאיש-קולאקישער קאנטר-רעוואלוציע. כדי דורכצופירן און פארווירקליכן די דאזיגע אויפגאבע, מוז מען אנשטרענגען אלע כחות פון דעם ארבעטער קלאס אין אוקראינע.

אבער חוץ דעם אלעמען ווערט די נייטיגקייט אין אנשטרענגונג אלע כחות אויף אפשלאגן די באוואפנטע קאנטר-רעוואלוציע און בויען די רויטע ארמיי ארויסגעשטעלט אויך א דאנק גריגאריעווס אוואנטורע, וועלכע איז אין א געוויסער מאס א רעזולטאט דערפון, וואס די ארבעטער האבן זיך שוואך באטייליגט אין דער ארבעט פון שאפן א קאמפס-פעהיגע, באוואוסטזיניגע, דיסציפלינירטע רויטע ארמיי.

די מאבילזאציע פון די ארבעטער פון אוקראינע איז אין דעם איצטיגן מאמענט איינע פון די גרונד אויפגאבן פון דער אוקראינישער ראטן-רעפובליק. ארויסגייענדיג פון דעם, באשליסט דער קיעווער ראט פון די ארבעטער דעפוטאטן צו ארגאניזירן א קאמיטעט אויף מיטצוהעלפן די מאבילזאציע פון ארבעטער, צוזאמשטעלן אים פון אלע פארטייען, וועלכע גייען אריין אין איספאלקאם און אים ענג פארבינדן מיט אלע פראפעסיאנעלע ארבעטער ארגאניזאציעס. דער ראט פון די ארבעטער דעפוטאטן שטעלט דעם קאמיטעט די איינציגע אויפגאבע אויסצוארבעטן און דורכפירן א גאנצע רייע מיטלען כדי מיטצוהעלפן אין ברייטן איינשטעל די ארבעט פון דער מאבילזאציע פון ארבעטער אין קאמף מיט דער אלוועלטליכער אימפעריאליסטישער קאנטר-רעוואלוציע, וועלכע גרייפט אן אויף דעם גאנצן פראנט.“

ארבעטער לעבן.

פארגרעסערטע [illegible] פאר שניידער

דער גוב-פראדקאם האט פארארדנט, אז מינדער-שניידער, בתים שניידער, [illegible] פעלצער, [illegible] דארפן באקומען א פארגרעסערטע [illegible], אויף [illegible] ווי די ארבעטער פון די [illegible] פאבריקן [illegible] פון די [illegible] אויף די [illegible] פאר [illegible].

גלייכגילטיגקייט

די גלייכגילטיגקייט צו דער ארבעט פון די פאראיינען, ווי אז אלגעמיינע הוראות בכלל און אין פאראיינען, דערונטער אויך פונם מעטאליסטן-פאראיין, איז דער [illegible] דעלעגאטן-פארזאמלונג פון דער אנגעשטעלטן-סעקציע האבן די דעלעגאטן פונם ארסענאל, וואסער-לייטונג, [illegible] פאבריק, און אנד. אנגענומען געבן א פארווארף יענע דעלעגאטן, וואס זיינען אויף דער פארזאמלונג ניט געקומען, און באפאלמעכטיגט די ביורא פון דער סעקציע אננעמען מיטלען קעגן אט דער גלייכגילטיגקייט.

די ביורא האט זיך געווענדעט צו אלע אונטערנעמונגען צו וויילן דעלעגאטן פון די אנגעשטעלטע לויט אזא באריכט: פון 50 מאן — 1 דעלעגאט. אונטערנעמונגען מיט ווייניגער ווי 50, פאראייניגן זיך מיט אנדערע צו זיך. די וואלן דארפן פארענדיגט ווערן ביז 20 מאי.

די פראפעס. פאראיינען און די פראדוקטן-פארטיילונג.

אויף א זיצונג פון דער ארגאניזאציאנס-ביורא ביים צ. ב. איז באטראכט געווארן די ראלע פון די פראפעס. פאראיינען אין דעם פארטיילן פראדוקטן. ס'איז אנגעוויזן געווארן, אז די דאזיגע ארבעט שטערט די פאראיינען אין זייער געוויינליכער טעטיקייט, אז זיי קענען ניט גאראנטירן, אז איינער און דער זעלבער מענטש זאל ניט באקומען איין ארטיקל צוויי מאל דורכן פאראיין און דורכן פאבריק-קאמיטעט.

ס'איז אנגענומען געווארן א באשלוס צו ווענדן זיך דורכן סעקרעטאריאט פון צ. ב. צו די געהעריגע מאכט-ארגאנען און פארלאנגען צעטיילונג אויפהערן ארויסגעבן מיטגלידער פון פראפעס. פאראיינען און ראטן-אנגעשטעלטע פראדוקטן ביז וואנען ס'וועלן ניט געבילדעט ווערן די קאמונאלע קאמיטעטן וועלכע דארפן אמגיכסטן ארגאניזירט ווערן.

נייער טאריף פון האנדלס-אנגעשטעלטע.

די צענטראלע טאריף-קאמיסיע ביים האנדלס-אנגעשטעלטע פאראיין האט זיך געווענדעט צו אלע פירמע-קאמיטעטן מיט א מעלדונג וועגן דער נייטיגקייט גלייך אנהויבן דורכצופירן דעם נייעם טאריף.

לויטן נייעם טאריף וועלן די אנגעשטעלטע באקומען מאקסימום 1200 און מינימום—630 רובל א חודש. די בעלי-בתים זיינען מחויב גלייך העכערן די שכירות ביזן מינימום, נאך איידער ס'וועלן פעסטגעשטעלט ווערן די קאטעגאריעס. די מאטעריאלן, וואס זיינען נייטיג אויף איינצופירן דעם נייעם טאריף, וועלן גלייך צושיקט ווערן אין אלע קראמען און פירמעס, ס'דארפן אומעטום געבילדעט ווערן שאץ-קאמיסיעס, אויף פעסטצושטעלן די קאטעגאריעס. ביז דעמאלט קענען דערווייל איינגעפירט ווערן צייטווייליגע טאריפן לויט צייטווייליג באשטימטע קאטעגאריעס. אלע קאמיטעטן מוזן צושטעלן אין די פאך-סעקציעס גענויע ידיעות וועגן זייערע מיטגלידער און וועגן זייער אנגעהעריגקייט צו דער אדער יענער קאטעגאריע. די סעקציעס צוזאמען מיט'ן פארשטייער פון דער צענטר. טאריף-קאמיסיע באשטימען דעם טאריף.

פון פארטיי-לעבן.

אלגעמיינע פארזאמלונג פון קאמוניסטישן בונד.

מיטוואך, דעם 14-טן מאי איז אין קאמוניסטישן גראסער-קלוב פארגעקומען אן אלגעמיינע פארזאמלונג פון קיעווער ארגאניזאציע פון קאמוניסטישן בונד.

אויף דער טאג-ארדנונג די פארשטייענדע קאנפערענץ און באשטעטיגונג פון נייע מיטגלידער אין דער ארגאניזאציע.

מיט אריינפירונגס-ווארט וועגן דער פאראייניגונג מיט די קאמוניסטישע פארטייען און וועגן דער באציאונג צו דער [illegible] פארטיי, איז ארויסגעטראטן ח' קאנטאר, וועלכער פארטיידיגט דעם שטאנדפונקט, אז די פאראייניגונג מוז פארקומען בא אלע אומשטענדן. די קליינע מיינונגס-פארשידענהייטן קענען אויסגעגליכן ווערן שוין אין דער אייניטליכער ארגאניזאציע. בנוגע צו דער קאמוניסטישער פארטיי האלט דער ח' קאנטאר, אז די מיינונגס-פארשידענהייטן אין דער נאציאנאלער פראגע דערלויבן ניט ארויס פון די גרונד-הנחות פון קאמוניזם.

די קאמוניסטישע פארטיי גייט איצט אנטקעגן די פאדערונגען פון די נאציאנאלע פארטייען (דאס ארייננעמען פון ייד. אוקר. ס. ד. אין דער רעגירונג, די פארבייטערונג פון צ. א. ק. און א. י.) דעריבער קען דער קאמוניסטישער בונד אריינגיין אלס א סעקציע אין דער פארטיי, אנהאלטנדיג דערביי די ארגאניזאציע.

דער ח' האלפערין האלט, אז מיט דער קאמוניסטישער פארטיי מוז מען זיך פאראייניגן בא יעדן פרייז. וואס אבער ס'איז שייך די קאמוניסטישע פאראייניגונגען, זיינען זיי דאך, נאך אלע איבערלעבטע רעוואלוציע, געבליבן א צופלאנטערטע קליינבירגערליכע פארטיי, מיט וועלכע ס'קען זיך ניט צונויפבינדן דער פראלעטאריש-קאמוניסטישער בונד, וואס בלייבט דער פירער, דער איינציגער פארשטייער פון אידישן פראלעטאריאט.

ס'טרעטן אויס נאך א רייע רעדנער, דער גרעסטער טייל פון וועלכע זאגן זיך אויס פאר פאראייניגונג מיט דער פ. א. א. פ.

דער ח' כענקאוויטש ווייזט דערביי אן, אז די פאראייניגונג דארף פארקומען אויף די יסודות, וועלכע זיינען פארמולירט געווען דורך דעם ח' ראפעס אויף דער געמיינזאמער בעראטונג. ד. ה., אז פאר א גרונד פון דער פאראייניגונג דארפן אוועקגעלייגט ווערן די רעזאלוציעס, וואס ס'האט אנגענומען די קאנפערענץ פון קאמוניסטישן בונד.

מיט א מערהייט פון 46 שטימען ווערט אנגענומען דורך דער פארזאמלונג פאלגענדע רעזאלוציע:

וועגן פאראייניגונג מיט דער פ. א. ק. א. פ.

די אלגעמיינע פארזאמלונג פון קאם. בונד פון 14 מאי געפינט, אז אין איצטיגן מאמענט איז צייטיג די פאראייניגונג און קאנסאלידירונג פון אלע אידישע קאמוניסטישע ארבעטער-ארגאניזאציעס און אויפ'ן ערשטן פלאן די פאראייניגונג פון קאמוניסטישן בונד מיט די פאראייניגטע קאמוניסטן. די פארזאמלונג געפינט, אז די פאראייניגונג דארף פארקומען אויפן יסוד פון די רעזאלוציעס און טאקטיק פון קאם. בונד פאר דער צייט פון זיין עקזיסטענץ. די קאנפערענץ פון קאמוניסטישן בונד דארף די דאזיגע פראגע שטעלן אויף א רעאלן יסוד, לויטן אויבנדערמאנטן אופן.

וועגן דער באציאונג צו דער קאם. פארטיי.

בנוגע צו דער פאראייניגונג מיט דער קאמוניסטישער פארטיי, געפינט די פארזאמלונג, אז עס דארף אנגענומען ווערן אלע מיטלען איינגעשלאסן צו ווערן אין דער אלגעמיינער קאמוניסטישער פארטיי, ווי א אידישע סעקציע, וועלכע פירט דורך די קאמוניסטישע אידעע אין די קולטורעלע ארבעט צווישן דער אידישער ארבעטערשאפט.

דעלעגאטן צו דער קאנפערענץ.

פאר דעלעגאטן צו דער קאנפערענץ זיינען אויסגעוויילט די ח"ח ראפעס און פרענקל.

נייע מיטגלידער.

לויטן פארשלאג פון קאמיטעט נעמט די פארזאמלונג אן א צענער פון 25 חברים אקטיווע מיטגלידער און 26 מיטגלידער.

אויפ'ן סמך פון [illegible]

אלע מיטגלידער פון קאמיט. בונד, וועלכע גייען אריין אין פארוואלטונגען פון פראפ. פאראיינען, פאבריק-קאמיטעטן, באפאלמעכטיגטע אין קראנקן-קאסע און אנד. פראפ. מיטל, מוזן שבת, 5 אין אוונט, קומען אין קאמיטעט אויף א וויכטיגער זיצונג.

די מיליטער איבונגען

צו די מיליטער-איבונגען דעם 15-טן מאי זיינען געקומען פאלגענדע מיטגלידער פון קאמוניסטישן בונד:

אשפיס, ארין, אסטראוויצקי, אקאדיס אזעראווסקי, בארטענקא, ברודע, בילענקין, בירמאן, גאבשטיין, גינזבורג, גינזבורג, גינזבורג, גוטמאן, גילענדער, גאגמאן, גימעלפארב, גיטקין גורעוויטש דיסינא, קאגאנאוויטש, קאגאן, יוסף קאגאן, קאזאק, קאגאן, קנישניק, קאלטאווער קיפערמאן קן באראווסקי, איוניק, לעזעראוו, ליפסקי, ראזאוויק, סעגנים, ראס, ראבינאוויטש משה ראבינאוויטש, מיכאיל ריכטפעלדמאן ראזענגאוו ראפעס, סאנדבערג סמירנאוויצקי, סאלאוויי, סעגאלאוויטש, סטראשעווסקי סלאנטשוק סיראטע פעטשענעק שאין צוקער פאניוואקע, מאמארקין, בוטארינסקי שיטאאויסקי יאספאלבק, אגילניק לראוונעס יאראסלאוו, טיאמקין, מקאטש, פירשט, טורעווסקי.

כראניק.

מאנופאקטור און טאבאק.

די קאלעגיע פון גארפראדקאם האט באשלאסן ארויסצוגעבן מאנופאקטור און טאבאק בלויז די ארבעטער ארגאניזאציעס לויט די קאלעקטיווע פאדערונגען.

געהעכערט די פרייז פון ברויט.

די קאלעגיע פון גארפראדקאם האט באשלאסן צו העכערן די פרייז פון ברויט אויף 1 רובל 20 קאפ. אויף הורט און 1.30 לאחדים.

אומזיסטע יורידישע הילף

די יורידישע אפטיילונג פון גובאיספאלקאם האט געעפנט אין שטאט קאנסולטאציעס צו געבן אומזיסטע יורידישע הילף דער ארבעטנדיגער באפעלקערונג. די אדרעסן פון די קאנסולטאציעס: 1) צענטראלע: אין הויז פון דער געוועזענער געריכטס-פאלאטע, צימער נום. 1, 2) פאדאלער: קאנסטאנטינאווער גאס נום. 12, 3) נאוואסטראיענער: [illegible] גאס טראיצקער פאלק-הויז, 4) [illegible]: פאלעוואיא נום. 29, [illegible]: פון 10 ביז 1 פרי און פון 6 ביז 9 אוונט.

אין שטאטישן קאמיטעט פון ק"ל.

אויף דער לעצטער אלגעמיינער פארזאמלונג פון קיעווער אידישער קולטור-ליגע זיינען פארגעקומען וואלן פון דעלעגאטן אויפן צוזאמענפאר פון דער קולטור ליגע און אין צוזאמענהאנג דערמיט דעבאטן וועגן דער ווייטערדיגער טעטיגקייט פון דער קולטור ליגע בכלל. א טייל רעדנער האבן זיך ארויסגעזאגט

דערפֿאַר, אַז די קולטור ליגע דאַרף זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ אידישן פּראָלעטקולט און וועלכער ה׳קענען זיך באַטייליגן נור מיטגלידער פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראייניגן און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען: אַ צווייטער טייל איז געשטאַנען אויפֿן שטאַנדפּונקט אַז די קולטור ליגע, ווי אַ סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע דאַרף אין איר אַרבייט אַרומנעמען אַלע אַרבייטענדע מאַסן און דאַרף אַרבייטן זעלבסטשטענדיג. דיג און אין אייגענעם קאָנטאַקט מיט די ראַטן־אָנשטאַלטן.

נאָך די דעבאַטן זיינען פֿאַרגעקומען די וואַלן פֿון דעלעגאַטן. ס׳זיינען געוועהלט געוואָרן; די ח״ח: עפּשטיין, זשעלעזניקאָוו מאַרגענשטערן, אייערביך, פּסקין.

באַריכטיגונג.

ווי אַ צוגאַב צום בריוו אין רעדאַקציע פֿון 65 .N, וואו ס׳איז איך דאָ מיין אונטערשריפֿט, געפֿין איך פֿאַר נויטיג צו ערקלערן, אַז איך האָב אויף דער פֿאַרזאַמלונג פֿון די אידישע וועצער קיין אָנטייל נים גענומען, ווייל איך שטעל זיך ניט פֿאָר עס זאָלן קענען זיין קאָנפֿעסיאָנעלע פֿראַגן, ספּעציעל פֿאַר אידישע וועצער, וועלכע קאָנען ניט ערלעדיגט ווערן אין דער אַלגעמיינער אָרדנונג. וואָס איז שייך וועגן דעם ערקלערן סוןדער פֿאַרזאַמלונג „אידיש פֿאַר אַ אויסלענדישע שפּראַך, אַנערקען איך דאָס אַלס אַ ווילדן באַשלוס און פּראָטעסטיר מיט אַלע מיינע געפֿילן.

ל. קאהן.

מעלדונגען

די ח״ח אַנילניק, יעיזעראָ, אסתר, ראַלענדער, פּירשם, טראַכטנבערג, שאָר, שימאַנאָיסקי, סאָלאָנטשיק, סאָלאָוויי,ברייטים מוזן איכבאַרינגט זיין היינט פֿרייטאָג דעם 16־טן מאַי אין קאָמונ. גראָסער קליב האַלב אַכט אין אָוונט.

—

היינט 6 אוייגער אין אָוונט קומט פֿאָר אַ זיצונג פֿון ביוראָ פֿון קאָמיטעט.

שבת דעם 17 פֿינף אַ זייגער נאָך מיטאָג וועט פֿאָרקומען אַן אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿון אידישע לעי־ער קאָמוניסטן אויף וואָלאָדימירסקי 33 צים. 17. עס וועט באַהאַנדעלט ווערן זעהר וויכטיגע פֿראַגן צווישן זיי, די איסעטיגקייס פֿונם קאָלעגיום פֿון בילדונג נאָך אַ געגויעס באַריכט.

אַלע חברים מוזן פֿונקטליך קומען פּינקטליך.

דאָס ציטשווייליגע ביוראָ.

—

זונטאָג דעם 18 מאַי אין קלוב „באַראַכאָוו וועט פֿאָרקומען אַ „שלום-עליכם־אָוונט מיט אַ ברייט קינסטלערישער פּראָגראַם.

ס׳ווערן איינגעלאַדען די חברים און מיטגלידער.

—

שבת דעם 17־טן מאַי 7 אין אָוונט אין קלוב „באַראָכאָוו וועט פֿאָרקומען אַ אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿון די מיטגלידער און מיטגליד־ער פֿון דער קיעווער אָרגאַניזאַציע קאָמוניסטישער פֿראַקציע „פּועלי ציון“ אויף דעם סדר היום שטייען זייער וויכטיגע פֿראַגן אַלע חברים מוזן איבגעריגט זיין.

—

פֿרייטאָג 16 מאַי, 6 פֿאַרנאַכט פֿלענערע זיצונג פֿון דער קולטור-בילדונגס-קאָמיסיע ביים מעטאַליסטן פֿאַראיין.

—

שבת 17 מאַי 5 בייטאָג, אין יאַרמאָציעווען-אָפּטיילונג פֿון געזונט-קאָמיסאַריאַט (רייטערסקע 22) וועט פֿאָרקומען אַ פֿאַראייניגטע זיצונג פֿון פֿאַרשטעהער פֿון פֿאַרמאַצ. אָפּטייל פֿון געזונט-קאָמ. מיטגלידער פֿון פֿאַרוואַלטונג פֿון אַפּטייק אָנגעשטעלטע פֿאַראיין און מיטגלידער פֿון אַלגוקר. ביוראָ פֿון אַפּטייק-אָנגעשטעלטע.

—

פֿרייטאָג 16 מאַי האַלב דריי בייטאָג וועט אין דירה פֿון די פּראָפּ. פֿאַראייניגען (זאַל פֿון 1 שטאָק) פֿאָרקומען דעלעגאַטן פֿאַרזאַמלונג פֿון כעמישער פּראָדוקציע.

רעדאַקציאָנס קאָלעגיע: א. טשעקים
י. פֿרענקעל
מ. ראַפּעס

חברים! ווער ס׳איז
טריי דעם סאָציאַליזם,
דער דאַרף זיין
אין דער רויטער אַרמיי

די מאָביליזאַציע.

צו אַלע אָרגאַניזאַציעס פֿון קאָמוניסטישן בונד.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פֿאַרגרעסערטן אייסטאַקט פֿון גרינגע ריעגן ערקלערט דער הויפּט-קאָמיטעט פֿון קאָמוניסטישן בונד:

פֿאַראייניגנדיג זיך צו דעם באַשלוס פֿון אַלאוקראַינישן צ. א. ק. ווערן אַלע מיטגלידער פֿון קאָמוניסטישן בונד, ווי אויך די מיטשולדיגע, מאָביליזירט.

ס׳ווערט איינגעשטעלט אַ מיליטערישע דיסציפּלין אונטער דער הויפּט אייכצושליסן פֿון דער פּאַרטיי.

די מיליטערישע אַרבעט ווערט געפֿירט לויטן מוסטער פֿון קיעווער צוזאַמען מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אָרגאַניזירט אַלגעמיינע פֿאָלקן, שטעלט בייט אַוועק די פּראָפּאַגאַנדע אַרבעט צווישן די אידישע אַרבעטער מאַסן, זיי זאָלן אַריינטרעטן אַלס פֿרייוויליגע.

טרעט אַריין אין פֿאַרבינדונג מיט דעם ספּעציעלן צענטער אויף צוציען די אידישע אַרבעטער אין דער רויטער אַרמיי.

ווענדט זיך צו דער אידישער סעקציע פֿון אינטערנאַציאָנאַלער פּראָפּאַגאַנדע פּאָליטישע אָפּטיילונג ביים נאַרקאָמוואָיענ (פּודוק. 4 וו. 1.) טעלעגראַפֿישער אַדרעס: יעוווּאַיעפּסעק.

אָרגאַניזירט צוזאַמען מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פּונקט אויפֿלעבע צענטרן אין יעדער גובערניע. טעלעגראַפֿירט.

הויפּט קאָמיטעט פֿון קאָמוניסטישן בונד.

קאָנפֿערענץ פֿון קאָמוניסטישן בונד.

דער צייטווייליגער הויפּט קאָמיטעט פֿון קאָמוניסטישן בונד רופֿט צונויף אויף דעם 15 מאַי אין קיעוו אַ אַלאוקראַינישע קאָנפֿערענץ, אויף וועלכער ס׳ווערן איינגעלאַדן די אַלע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס, וועלכע האָבן זיך אָפּגעטיילט פֿון „בונד“. יעדער אָרגאַניזאַציע, אָדער גרופּע שיקט צו איין פֿאַרשטייער מיט שטים-רעכט. קיעוו, בערדיטשעוו, יעקאַטערינאָסלאַוו, אָדעס, קרעמענטשוג, שיקן צו צוויי דעלעגאַטן.

טאָג אָרדנונג פֿון דער קאָנפֿערענץ:

1) באַריכט פֿון דעם צענטער און פֿון די ערטער.
2) די פּאָליטישע לאַגע און אונזערע אויפֿגאַבן.
3) די נאַציאָנאַלע פֿראַגע און ראַטן-מאַכט.
4) אונזער באַציהונג צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.
5) דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל.
6) אונזער באַציהונג צו די איבעריגע אידישע קאָמוניסטישע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און גרופּעס.
7) די פּראָפֿעסיאָנעלע באַוועגונג.
8) אָרגאַניזאַציאָנס פֿראַגן.
9) פּרעסע און פֿאַרלאַג.
10) וואַלן פֿון הויפּט קאָמיטעט.

צו אַלע גובערניאַלע און אויעזדנע איספּאָלקאָמען און רעווקאָמען פֿון אוקראַינע!

דער אַלאוקראַינישער צענטראַלער איספּיר קאָמיטעט רופֿט צונויף אויף דעם, 30־טן מאַי אין קיעוו אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון פֿאַרשטייער פֿון יאָלאָסט איספּאָלקאָמען, צו איין פֿאַרשטייער פֿון יעדער איספּאָלקאָם. אויף די גובערניאַלע און אויעזדנע איספּאָלקאָמען ווערט אַריינגעלייגט די התחייבות צו מעלדן די אַלע יאָלאָסט-איספּאָלקאָמען, זיי זאָלן שיקן זייערע פֿאַרשטייער.

דער סדר-היום פֿון צוזאַמענפֿאָר:

1) באַריכט פֿון דעם צענטראַלן איספּיר-ביוראָ.
2) באַריכט פֿון פֿאָרזיצער פֿון סאָוונאַרקאָם.
3) באַריכט פֿון די פֿאָלקס-קאָמיסאַרן: פֿון אינערליכע ענינים, פֿון דערנערונג, ערד-אַרבעט, מיליטער און פֿינאַנס.
4) די אויפֿגאַבן, וואָס שטייען אויף דעם סדר היום פֿון דער ראַטן-מאַכט.

די דעלעגאַטן מוזן באַ זיך האָבן שריפֿטליכע באַריכטן און קורצער פֿאָרם לויט די אַלע פֿראַגן, וואָס זיינען צוגעשיקט געוואָרן אין דער טעלעגראַפֿישער אַנקעטע. די באַריכטן דאַרפֿן אָפּגעגעבן ווערן אין דער אָרגאַניזאַציאָנס-קאָמיסיע ביים קאָמענדאַנט, ווי נאָר דער דעלעגאַט קומט קיין קיעוו.

וועגן אַלע ערקלערונגען דאַרף מען זיך ווענדן צו דער צענטראַלער אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיסיע אויף צונויפֿרופֿן דעם צוזאַמענפֿאָר ביים קאָמאַנדער.

די צענטראַלע אָרגאַניזאַציאָנס-קאָמיסיע.

חברים אַרבעטער.
די פֿאָלקס־צייטונג
איז אייער אָרגאַן
לעזט און פֿאַרשפּרייט
אייער פֿאָלקסצייטונג
די „פֿאָלקס־צייטונג“ נויטיגט זיך אין אייער מאָראַלישער און מאַטעריעלער שטיצע

אידישער פֿאָלקס־פֿאַרלאַג.

שוין דערשינען:

1) „נאָך אַלעמען“ (ראָמאַן) 3־טע אויפֿלאַגע פֿון ד. בערגעלסאָן פּרייז 16.— ר.
2) „אין אַ פֿאַרגרעסערטער שטאָט (דערציילונג) „ „ „ 4.— ר.
3) „אַרום וואָקזאַל“, „ „ „ „ 5.— ר.
4) „שריפֿטן“ 1 באַנד, פֿון ה. ד. נאָמבערג „ 6.80 ר.
5) „שטעלן“ (לידער) „ פּרץ מאַרקיש „ 9.— ר.
הילע, שער-בלאַט און ציקל-צייכנונגען—יוסף טשייקאָוו.
6) „בלויקייט“ לידער) פֿון ז. סעגאַלאָוויטש „ 8.75 ר
הילע און ציקל-צייכנונגען—י. עלמאַן.
7) „פֿון דערווייטנס“ עפּיזאָדן 1 באַנד, פֿון צ. הירשקאַן „ 4.20 ר.
8) „פֿרויען“ (דערציילונגען און נאָוועלן) „ י. ראָזענפֿעלד „ 6.75 ר.
) „דאָס אידישע מיניסטעריום און די אידישע אויטאָנאָמיע.
אויף אוקראַינע“ פֿון מ. זילבערפֿאַרב „ 8.— ר.
10) „די ווילנער קהלה, אירע אַנשטאַלטן און פֿינאַנסן“ י. לעשטשינסקי 3.50 ר.
11) סעריע: קינדער-גאָרטן“: № 1 „דער מילנער. די מילנערן און די מילשטיינער“ דערציילט: פּעטער בנציון. געצייכנט אליעזר ליסיצקי 1.50 ר.

ס׳גרייטן זיך צום דרוק:

1) „דרויב“ (דערציילונגען) ד. בערגעלסאָן
2) אידישע קולטור-געשיכטע אין מיטלאַלטער דר׳ מ. גידעמאַן, פֿון דייטש—נ. שטיף

פֿון דער סעריע: „יוגנט-ליטעראַטור“

1) „ראָבינזאָן קרוזאָ“ ד. פֿאָ פֿון ענגליש י. בלייכער.
2) „משה׳ליך און שלמה׳לאַך“ יאַנוש קאָרטשאַק, פֿון פּויליש—י. זינגער.
) „דער טאָג ביך פֿון אַ שילער“ ע. ד׳אַמיטשיס, פֿון איטאַליעניש—י. נוסינאָוו.

לערן ביכער:

1) געאָמעטריע—שאַליט.
2) געוויקסן—באַטש.
3) אַריטמעטישע אויפֿגאַבן—וואַנשאַרד.
4) אַלגעבראַ—וואָלפֿסאָן.
5) גריכענלאַנד און רוים—ז. קאַלמאַנאָוויטש.
6) מיטלאַלטער—ז. קאַלמאַנאָוויטש.
7) „דאָס אידישע וואָרט“ (כרעסטאָמאַטיע)—אַלבין.
8) „אַריטמעטישע אויפֿגאַבן“—בראַונשטיין און לעווינסאָן.
9) „אידישע ליטעראַטור“ 1 באַנד, אַלטע נ. שטיף.
10) „אידישע ליטעראַטור“ 2 באַנד נייע נ. שטיף

איינשליסליכער פֿאַרקויף „ביכער לאַגער קולטור ליגע“, גרויס וואַסילקאָווער 43.

ס׳איז אַרויס פֿון דרוק דער ערשטער נומער
פֿון קינדערזשורנאַל
„די גרינינקע ביימעלאַך“
מיט דעם פֿאָלגענדיגן אינהאַלט:

ש. ידיזאַוויטש—ס׳קומט אַ נייע וועלט (ליד).
שלמה׳לע ב. י.—צו די אידישע קינדער.
ד. קאַפּלאַנאָוויטש—חיימקע (דערציילונג).
ד. טשאַרני—פֿרילינג (ליד).
ע. טאָמפּסאָן—משינק (דערציילונג).
ש. באַסטאַמסקי—דער בוים און דער ווינט (אַ מעשה׳לע).
ה. ראָזענבלום—דער גאָרטן (אַ שפּיל).
י. ליפּסקי—דער דלות (אַ פֿאָלקסמעשה׳לע).
מ. גיטליץ נאָכן ווינטער (ליד).

קינדערשאַפֿונג:

מ. ווייטער—אַ ליד פֿון שלום.
ה. קלאַס—ווי אַזוי מען האָט אַרויסגעטריבן פֿון ראַגאָווע.
ל. סטאַצקי—דער פֿאַרגעסענער העלד (ליד).
נאָוושטערן—ווי אַזוי איך האָב פֿאַרבראַכט פּורים.
נייס פֿון דער וועלט, אַ פֿריליכער ווינקל, רעטעניש, אויפֿגאַבעס א. א. וו.

אויך איז דערשינען דער צווייטער נומער
„אַ לקסבילדונג“

די ביכער קאָן מען קריגן קויפֿן אין אַלע אָפּטיילונגען פֿון „צענטראָפּעטשאַט“ און באַ אַלע צייטונגהענדלער

אַ נומער פֿון די „גרינינקע ביימעלאַך“ קאָסט 1 רובל 50 קאָפּ.
„ „ „פֿאָלקסבילדונג“ „ 1 רובל

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן לויט אָט דעם אַדרעס: אידישער פֿאַרלאַג, ביים פֿאָלקסקאָמיסאַריאַט פֿאַר בילדונג פֿון ליטע און רייסן. ווילנע, ברייטע גאַס 54.

פֿון אויספּיר-ביוראָ פֿון קולטור-ליגע

דער צוזאַמענפֿאָר פֿון קולטור-ליגע וועט פֿאָרקומען דעם 15 מאַי לויטן צושיקטן צירקוליאַר. אַלע אָפּטיילונגען און איניציאַטיוו גרופּן ווערן געבעטן ענערגיש זיך גרייטן צום צוזאַמענפֿאָר און קומען צו דער אָנגעוויזענער צייט. די אויספּיר-ביוראָ בעט באַצייטנס מודיע זיין וועגן דער צוגרייטונגס-אַרבעט, וואָס פֿירט זיך אויף די ערטער טעלעגראַפֿיש.

45

נומ׳ 2

פרייז 1 ר. 50 ק.

די וואָך

פאליטיש-ליטעראַרישע וואכנשריפט.

אדעס. פרייטאג דעם 21-טן מאַרט 1919 יאר.

די רעדאַקציע איז אָפן טעגליך, חוץ שבת פון 10 ביז 3.
דער רעדאַקטאָר נעמט אויף פערזענליך מאָנטאג, דינסטאג און דאָנערשטאג פון 1 ביז 2.
אדרעס פון רעדאַקציע: פּושקינסקע 57.

אינהאלט:

דער עקאָנאָמישער סך הכל פון דער מלחמה און די אויפגאבן פון שלום. — י. גרינפעלד, דאָס פּראָבלעם פון סאָציאַליסטישער קאָלאָניזאַציע. — י. [illegible], די אידישע נאָט — א.—ר. פּאָליטישער איבערבליק — י. [illegible], איבער פּשוט׳ע זאַכן ◆ א. שטיינמאַן, אין שפיגל (ליד) — יהודית, מיניאַטורן — י. ראַנדי, רחל שוואַרצבאַרד — ב. עפּשטיין, וועגן אידישן פאָלקס-אוניווערסיטעט. א. נחימס. די וואָך (כראָניק). אין דער [illegible] ציוניסטישער וועלט.

דער עקאָנאָמישער ס״ה פון דער מלחמה און די אויפגאבן פון שלום.

בײַ די פאַרבײַגעגאַנגענע צענדליגער יאָרן איז וועלט נישט [illegible] דער [illegible] דין, נאָר איך די קומענדע וועלן זיך איבערצייגן, ווי שרעקליך גרויס ס׳איז דער מאַטעריעלער חורבן, וואָס די מלחמה האָט פאַראורזאַכט, און ווער דורכגעדרונגען ביז אין אַלע [illegible]. נאָר שוין די ציפערן, וועלכע די קאָסטן פון דער מלחמה וועלכע ס׳האָט זיך איינגעגעבן אין דעם איצטיגן מאָמענט [illegible] צוזאַמענצושטעלן, עפענען פאַר אונז אויף אַזאַ מין תהום פון פאָלקס-אָרעמקייט און נויט, וואָס אונזער פאַרשטעלונגסקראַפט איז דערווייל ניט איבשטאַנד אַרומצונעמען.

ווי עס צייגן די ידיעות פון דער פראַנצייזישער פּרעסע, דערגרייכן די אומבאַשטימטע מלחמה-הוצאות בלויז פון די פאַר-[illegible] די [illegible] ציפער פון 800 מיליאַרד פראַנק, ד. ה. אַ סומע, וואָס איז מער ווי דאָס גאַנצע נאַציאָנאַל-פאַרמעגן פון דייטשלאַנד און עסטרייך-אונגאַרן ביז דער מלחמה. אויב מען זאָל דערצו צורעכענען די מלחמה-הוצאות פון די נייטראַלע און ניט-[illegible] מלוכות (די הוצאות אויף איינצוהאַלטן אַ באַוואָפנטע נייטראַליטעט), די גוואַלדיגע הוצאות אויף אויפצובויען די פאַרניכטעטע דורך דער מלחמה ערטער, און אויך די פּענסיעס פאַר די געשעדיגטע און פאַר די משפחות פון די דערהרג׳עטע, וועלן די קאָסטן פון דער מלחמה, לויט דעם סאַמע קאָנסערוואַטיווסטן חשבון, דערגרייכן די קאָלאָסאַלע סומע פון 1600 מיליאַרד פראַנק. דאָס איז מער פון דעם, וואָס ס׳האָבן פאַרמאָגט ביז דער מלחמה די פיר גרעסטע מעכטע פון מערב-אייראָפּא, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליען און עסטרייך-אונגאַרן צוזאַמענגענומען.

כדי צו האָבן אַ שטיקל באַגריף, ס׳אַזאַ קאָלאָסאַלע סומע 1600 מיליאַרד איז, איז גענוג זיך פאָרצושטעלן, דאָס בלויז אויף איבערצייילן זי, (צעלענדיג צו הונדערט אין אַ מינוט) וואָלט מען געדאַרפט ניט מער און ניט ווייניגער ווי... דרייסיג טויזנט יאָר. אויב מ׳וואָלט אָנגעהויבן צו ציילן אין די פאַרהיסטאָרישע צייטן וואָלט מען נאָך ניט געהאַט געענדיגט בײַ היינטיגן טאָג.

די אומבאַשטימטע מלחמה-הוצאות פון די איינצלנע גרויסע לענדער שטעלן מיט זיך פאָר אַן ערך פאָלגענדן בילד: ענגלאַנד 8 מיליאַרד פונט סטערלינג, די פאַראייניגטע שטאַטן — 25 מיליאַרד דאָלאַר. פראַנקרייך — 175 מיליאַרד פראַנק, דייטשלאַנד — 180 מיליאַרד מאַרק. עסטרייך-אונגאַרן — 90 מיליאַרד קראָנען, איטאַליען 50 מיליאַרד לירעס, רוסלאַנד (ביז 1917 יאָר) 60 מיליאַרד רובל.

גענומען אין אַנבאַטראַכט דאָס די יערליכע אָפּשפּאָרונגען פון אייראָפּא אין די לעצטע יאָרן ביז דער מלחמה זיינען געווען פון 15 ביז 20 מיליאַרד פראַנק, דאַן הייסט עס, אַז די מלחמה האָט איינגעשלונגען דעם גאַנצן קאַפּיטאַל, וואָס איז אָנגעקליבן געוואָרן דורך דער אַרבעט פון די פעלקער פון אייראָפּא אין משך פון אַ גאַנצן יאָרהונדערט פון בירגערליכער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג.

געהט מען אבער אוועק פון דעם געלט-אויסדרוק פון די מלחמה-קאסטן און מ'נעמט אין אנבאטראכט די גוואלטיגע פארניכטונג פון די מאטעריעלע ווערטן אין משך פון דער מלחמה, דאן מוז מען אנערקענען, דאס זי האט פארניכטעט די רעזולטאטן פון דער ארבעט פון פריערדיגע יארהונדערטער און האט אויך פארשקלאפט צו זיך די ארבעט פון א גאנצער רייהע פון די קומענדע דורות.

ווענן דעם רעדן העכסט-איבערצייגענד די חורבנות, וואס די מלחמה האט אנגעמאכט אין פראנקרייך, בעלגיען און אנדערע לענדער, ווי ס'ווייזן באשיינפערליך אפילו נור די פאלגענדע עטליכע פאקטן: אין די צפון-דעפארטאמענטן פון פראנקרייך וואו ס'זיינען פארגעקומען די שרעקליכסטע פארוויסטונגען זיינען פאלשטענדיג צושטערט געווארן הונדערט און איין קוילן-גריב, וועלכע האבן צוזאמען ביז דער מלחמה ארויסגעגעבן 75000 טאן קוילן יערליך. דאס אויפשטעלן פון די דאזיגע קוילן-גריבן ארייז ייעט פאדערן צענדליגער יארן ארבעט און צוויי מיליארד פראנק. פון די 300.000 העקטאר באדן, וואס פלעגן ביז דער מלחמה קולטיווירט ווערן אין צפון פראנקרייך, איז פארזייט געווארן זינט דער דייטשער אקופאציע נור 10.000 ד. ה. 1/30 פון דעם זריע שטח. אנשטאט 80.000 פערד, וואס האבן זיך געפונען אין די צפון דעפארטאמענטן פון פראנקרייך ביז דער מלחמה, געפינען זיך איצט דארט בלויז 2000 א. א. וו. רייט און על-פי ערך'דיגן חשבון דארף מען האבן אויף אויפצובויען צפון פראנקרייך 75 מיליארד פראנק.

אין דער אמת'ן אבער איז די גרויס פונ'ם עקאנאמישן חורבן, וואס איז פאראורזאכט געווארן דורך דער מלחמה א סך טיפער און שרעקליכער צוליב דעם קאלאסאלן פארלוסט פון מענשליכע

לעבענס, וועלכער דערגרייכט צוזאמען מיט די, וואס האבן פארלוירן די פעהיגקייט צו ארבעטן ביז 15 מיליאן! פופצן מיליאנען מענער אין בליהענדן עלטער — דאס איז דאך כמעט די גאנצע דערוואקסענע מענער-באפעלקערונג, וואס איז געווען אין גאנץ ענגלאנד ביז דער מלחמה. פון א ריין עקאנאמישן שטאנדפונקט באדייט אט דער שווערליכער בלוט פארלוסט, די פארקלענערונג פון דער יערליכער [illegible] ליכער פראדוקטיוויטעט, אמווייניגסטענס, אויף 15 מיליארד פראנק ד. ה. אויף עטוואס ווייניגער פון די יערליכע אפשפארונגען פון גאנץ אייראפא ביז דער מלחמה.

מיר זעהן, אויף אזא אופן, דאס די מלחמה האט ניט נור פארניכטעט די שוין אנגעקליבענע רייכטימער, נאר זי האט אונטערגעגראבן ביז'ןווארצל די סאמע יסודות פון דער אייראפעאישער פראדוקציאן, אראפווארפענדיג אויף שטענדיג פון חשבון די פראדוקטיווע ארבעט פון פופצן מיליאן מענער, און באדייטענד פארקלענערנדיג, צוליב די שווערע באדינגונגען פון דער מלחמה, די פראדוקטיוויטעט פון די ארבעטער-מאסן. דער דאזיגער קאלאסאלער ארבעט-פארלוסט באגרענעצט זיך ניט בלויז מיט אונזער דור. די מלחמה האט מיט זיך אויך געבראכט אין אלע לענדער א גוואלדיגע פארקלענערונג פון דער צאל געבורטן. און די דאזיגע פארקלענערונג וועט צוליב די מיליאנען געהרג'עטע מענער, נאך פארקומען אין משך פון נאך פילע יארן.

אין דייטשלאנד אליין, וועגן וועלכער מיר האבן פינקטליכע ידיעות, איז די צאל געבורטן פאר די מלחמה-יארן פארקלענערט געווארן אויף דריי מיליאן. אהן גוזמא קען מען אננעמען, אז אין גאנץ אייראפא איז די צאל געבורטן פארקלענערט געווארן צוליב דער מלחמה אויף 10 מיליאן. אויף אזא אופן איז די פראדוקטיוויטעט פון ארבעט, וואס אייראפא וועט פארמאגן אין משך פון די נעכסטע 25—20 יאר, פארקלענערט געווארן אין קוואדראט צוליב דער פארניכטונג פון די לעבעדיגע און דער פארקלענערונג פון די געבורטן.

ס'איז איבעריג צו זאגן, דאס מיט דעם אויבן-דערמאנטן ווערט דורכאויס ניט אויסגעשעפט דער עקאנאמישער סך-הכל פון דער מלחמה און די גרויס פונ'ם פאראורזאכטן פאלקס-אומגליק. איינס איז קלאר, דאס די מאטעריעלע מאכט, וואס אייראפא האט דערגרייכט אין 19-טן יארהונדערט צוליב דעם גלענצענדן נצחון פון דעם מענשליכן געני איבער דער נאטור, איז פארניכטעט געווארן פון 4½ יאר פון דער מלחמה, צוליב די אייגענע באאויסטזיניגע באמיהונגען, פון דער קרוין פון דער וועלט, דעם מענשן. ס'איז גענוג צו זאגן, דאס ווען איינע פון די סאמע ווילדע סטיכיעס — אן ערד-ציטערניש למשל, וואלט אויסגעגלייכט מיט דער ערד די צוויי גרעסטע מלוכות פון צענטראל אייראפא, דייטשלאנד און עסטרייך-אונגארן, וואלט דערביי פארניכטעט געווארן פיל ווייניגער מאטעריעלע ווערטן ווי אין דער וועלט-מלחמה.

דער שווערפונקט פון דער וועלט-ווירטשאפט און וועלט-קאפיטאליזם איז פון איצט אן איבערגעטראגן, און אויף לאנג, אייב ניט אויף שטענדיג, פון אייראפא קיין אמעריקא. אין דער זעלבער צייט, וואס אייראפא איז אין לויף פון דער מלחמה אנגעהויער פארארעמט געווארן מאטעריעל, איז פארקערט די פאלקסווירטשאפט פון די פאראייניגטע שטאטן א דאנק דער מלחמה שטארק אנטוויקעלט געווארן און האט אין די לעצטע יארן מערקווירדיג אויפגעבליהט. די פאראייניגטע שטאטן, וואס זיינען ביז דער מלחמה געווען דער בעל-חוב פון אייראפא, זיינען איצט פארוואנדעלט געווארן און איר קרעדיטאר, געווארן די צושטעלער פון שפייז, רויהע מאטעריאלן און פאבריקאנטן פאר די אייראפעאישע לענדער.

דער שלום טרעפט איצט אלע אייראפעאישע פעלקער, איינינגע אין א גרעסערער מאס, אנדערע אין א קלענערער, אין א שמארצפולן קאנוואולסיוון דראנג צו געפינען אן אויסגאנג פון דעם געשאפענעם עקאנאמישן טעמפן ווינקל.

די מלחמה האט איבערגעלאזן בירושה א גאנצן פאק פון שווערע פארפלאנטערטע עקאנאמישע פראגן, ווי למשל, דאס געלט-פראבלעם, דאס פינאנס-פראבלעם, דאס וואליוטע-פראבלעם, דאס האנדעלס-פראבלעם און אנדערע פראבלעמען. און צווישן אלע פראבלעמען פארנעמט דעם אויבן אן איין צענטראלע און הויפט-פראבלעם פון דעם אוועקשטעלן די ווירטשאפט אויף נייע ראציאנאלע יסודות אין די אינטערעסן פון דער עקאנאמישער אויפלעבונג פון אייראפא. אויף די דאזיגע פראבלעמען וועלען מיר זיך אפשטעלן אין די נעכסטע ארטיקלען.

יהודית גרינפעלד.

◆

דאס פראבלעם פון סאציאליסטישער קאלאניזאציע*).

ב.

די פראבלעמען פון סאציאליסטישער שאפונג זיינען אונגעהויער פיל אין צאל. זיי רירן אן אהן אויסנאהמע אלע געביטן פון סאציאלן

---

*) זעה 1־טן נ'.

א. שטיינמאן.

איבער פשוט'ע זאכן.

א.

ברויט.

ניטא קיין ברויט ווילט זיך רעדן איבער ברויט, באטראכטן אביסל דעם ענין פון ברויט. ווייל איצט, ווען עס איז געווארן א יקר המציאות, קומט דאס פאר א מין סימבאל, ווי יעדע זאך, נאכדעם, אז עס ראנט זיך אויס.

דער ענין פון ברויט קען אונז אויסטייטשן דעם פשט פון א סך ענינים וועלכע זיינען פארגעקומען דאס לעצטע שטיקל צייט פון דער וועלט-געשיכטע. עס לאזט זיך גלויבן, אז אויך דאס ביסל אומגליקן, וועלכע מיר האבן איבערגעלעבט אין די לעצטע יאר [illegible] און דעם קענען דאך נישט ליקווידירן, אפילו אזעלכע ווייט-קוקנדע און קלוגע מענשן, ווי די אפטימיסטן. אין איז אונז געקומען אלס א גוטע דערפאר, וואס מיר האבן פיר זאכן נישט פארשטאנען און נישט דערשעצט.

וועלן מיר מאכן נעמען דאס ברויט, אט שטעהט אין מאס א [illegible] מענשן, צווישן זיי, אייגענע אינמיטן, האלט א ברויט אין האנט און די אלע אויגן באטראכטן דאס מיט [illegible]. דאס ברויט ווערט געהויבן אין דער הויך, געהט איבער פון האנט צו האנט, ווי א לעבעדיגס. מ'באטראכט דאס, מ'באקוקט די וואג, מ'באשמעקט דאס, מ'צאצקעט זיך מיט דעם, מ'קושט דאס און [illegible] און מען שאצט דאס. דערמאנט זיך אבער נאר, וואס פאר א ווערט האט דאס געהאט ביי אונז אין די אייגן נאך הכל ביז א יאר פיר, פינף צוריק, דאן ווערט „ברויט" איז דאך כמעט געווען א ווירקליכקייט. דערמיט האבן מיר באציהט [illegible] און וואכענדיגע [illegible]. עס איז געווען דער [illegible] פון היינט [illegible] פון אלעם [illegible] און פון [illegible] שפריכווערטער און שטעכווערטער האבן מיר געשאפן כדי צו מאכן דאס ברויט צו נישט. מיר האבן, א שפיגער, געזאגט: „נישט בלויז מיט ברויט לעבט א מענש". „עס, אזוי פיל, ווי ברויט", א. ד. ג. צווישן די פיינע מאכן, געבעקס, און אלערליי זיסקייטן איז ברויט געווען דער „עם הארץ" פון דער משפחה. מ'האט זיך דערמיט געשעמט. עסן ווייניג

ברויט איז פון תמיד אן געווען א סימן פון א פראסטן געשמאק. ס'איז נישט געווען קיין פיל זאכן, וואס זיינען געווען אזוי [illegible] פאר א [illegible]. עסן ברויט אין א געזעלשאפט איז מען ארויסגעקומען צו א מענשן אין [illegible] האט ער באלד אראפגעבאקט דאס ברויט פון טיש, ווייל ס'האט אים [illegible].

[illegible]

הילף פון [illegible] און פון צארטע הענט און ווי נאר עפעס פארווארפן ווי מיט קעפל.

יא, דאס ברויט איז געווען באשיידן, מילד און, דערצו, עיקר, א סך. דערפאר האבן דאס מענשן ווייניג געשעצט און חושד געווען. מענשן האבן איבערגעהויבן א מבט חושד צו זיין פשטות און אלעס, וואס איז גרויס און צאר. עס האט זיך ווי, אז ווייל ס'איז אזוי מיט שפע, ציטערט נישט איבער זיך און מאכט נישט אלע רגע א ברכה איבער זיך איז א סימן, אז ס'איז נאריש. האט מען דערפאר דאס ברויט שלעכט באהאנדלט און נישט דערשעצט. נאר די רעדיגע און דאס אבערגלויבן, וועלכע זיינען עלטער און מהאי-טעמא פיל קלוגער פון דעם דורכשניטליכן מענשליכן פארשטאנד האבן אביסל געגעבן כבוד אויף דעם ברויט. דער המון האט זיך געשראקן אראפצווארפן אויף דער ערד אפילו א ברעקל. נאר דאס איז בלויז געווען אן אויסנאהמע [illegible] דער [illegible] פון אלע פארשוואונדענע צייטן, ווי דער [illegible] מכבד זיין א געהייבענע פערזאן מיט ברויט און זאלץ. [illegible] דער טראדיציע האט מן השמים און זיך אפגעהיט א געוויסע פון אלע הונגער-צייטן. אבער דורכשניטליך איז דאס ברויט געווען א נישט אנערקענטע זאך. מ'האט זיך אין דעם [illegible] ווייניג איינגעטראכט, ווי אין אלע אלטע קלאסיקער, וועלכע ווערן זעהר פארשפרייט, און מ'האט דאס אזוי גרינג געשעצט ווי די ברייטע מאסן.

נאר דאס איז נאך נישט אינגאנצן. פון דער ווינד געגן דעם ברויט האט ארויסגעשטאמט א צווייטע פארברעכן, מ'האט דעם מענשן איבערגעשעצט. מ'האט אים פאנאנדערגעריסן מיט זיין שורש, מיט זיין יניקה, פון דעם ברויט. מ'האט אויסגעלייגט א מענשן, גלייך, ווי דער מענש וואלט זיין עפעס אנדערש, ווי דאס ברויט, ווי ער וואלט זיין א הימלישע בריאה, א [illegible] באשעפעניש, א ווינט-פויגל, וועלכער רייסט זיך נאר אין די הייכקייטן. מאראליסטן, גאטסליבע, פאעטן מילער און אומפאראנטווארטליכע העלדן האבן אויסגעוועבט א דורכשניטליכן מענשן, ווי עטוואס זייענס, ציטעריגס, פעדערליכטס, וואס איז בלויז גאט און ציצית. דער מענש האט פארגלאצט די אויגן צו גאט, פארטרעטנדיג דערביי פון אונטן, אויף דער [illegible] און זינדיגער ערד זיינע ברודער, מיט-מענשן מיט די פיס. לשם שמים, פארשטעהט זיך, דער מענש האט אנגעהויבן שרעקן זיך פאר דער שפע. האט אנגעהויבן וועלן ווערן וואס ווייניגער, אבי שענער, מלכות'דיגער און הימלישער, אנציהענדיג אונטן פיילן צו ברענגען אויף ווי מענשן, אט ער געקוקט אויף די שטערן און געזאגט, אז דאס האבן זיי, די בייזע שטערן, אנגעשיקט אומגליקן, ער איז דאך גאר די נשמה שולדיג, ער איז קינדיש-ריין און געטליך-אמוזירנד, מיט אזא פארזיסענקייט און פארליבטקייט [illegible] האט דער מענש פון תמיד אן פארגעסן זיינע בשר'ע מעשים. דערמיט פארגעסן ער ווי אייך אצינד. און דאס איז דאך אביסל פארדריסליך. האט דאך אלעקסאנדער פון מוקדון לסוף ימיו אויך נישט געקענט איבער[illegible] אין די לאנגאריגע חנופה-רייד פון די פיל חכמים זיינע, וועלכע האבן אים אריינגעשושקעט אין אייער ארין אין דער זעלבער צייט, ווען ער האט געשלינגען מיט זיינע ריזיגע טריט שטעט און לענדער. בסך הכל איין קלייניקייט האבן זיי אים געזאגט: אלעקסאנדער דו ביסט א גאט! ס'איז אמת. נישט באוואוסט, וואס פלעגט אויף דעם שטענדיג ענטפערן דער מעכטיגער [illegible]. מעגליך, אז ער אליין איז אויך איינגענאנגען אויף זיינע זיסע חנופה-רייד. [illegible] איז גאר נישט אזוי שווער צו פועלן ביי א מענשן דאס ער איז א [illegible]. מעגליך אויך, אז ער האט גאר נישט אזוי גוט זיך איינגעהערט אין זייערע רייד. ער איז דאך געווען באשעפטיגט מיט איינגעמען אלע מאל נייע שטעט און לענדער, ווען א מענש וואקסט און שאפט, מאכט ער זיך גאר ווייניג פון זיין טוישעם. נאר דערנאך, צום סוף, ווען ער איז שוין געלעגן א פארוואונדעטער און אפגעריסן מיט בלוט, האט ער צונויפגערופן זיין גאנצע סוויטע חכמים און אויסגעשריען גרייזאם, ווי עס איז נאך אומשטאנד אויסצושרייען א פארוואונדעטער גבור, ווייזענדיג מיט'ן פינגער אויף זיינע בלוט־רינענדע וואונדן: ליגנערס, נאך וואס האט איר מיך גענארט און געזאגט, דאס איך בין א גאט? — זעהט!

שטיל פארשעמט זיינען געבליבן שטעהן די גרויזאמע חכמים. אבער אומפארשעמט זיינען די כביכול'שטע זוגערס פון אצינד. א אנגעשוואלענע, אנ'אויסגעהונגערטע, אנ'אויבנגעשמיסענע לעבט איצט די מענשהייט און געהט אפ מיט איר בלוט פאר אירע זינד — און זיי הערן נאך איבער די אלטע זיסע מלאכ'שע רייד פון בשר'ן גליק און פון פעלקערפרידן.

אזוי טאנצט א ליגן ארום די מיליאנען קעפ'ער'ס פון געהרג'עטע און פון נאך מערער פארוואונדעטע. — אבער דאס ברויט, איז, וואס פאר א זיסער חלום דאס איז געווארן פאר דעם מענשן!

◆

לעבן. ס'איז דאך שוין לאנג צייט אויפהערן צו באטראכטן דעם סאציאליזם בלויז אלס א געוויסן עקאנאמישן און פאליטישן אידעאל, אלס א שיטה פון בלויז געוויסע פאליטישע און עקאנאמישע ענדערונגען אין דער געזעלשאפט. ניין, דער סאציאליזם מוז אנערקענט ווערן אלס א נייע וועלטאנשויאונג, א נייע קולטור-שאפונג, די שאפונג פון א נייעם ארויפקומענדען קלאס, פונ'ם פראלעטאריאט, אויף וועמענס גורל ס'איז איינגעפאלן די היסטארישע מיסיע צו פארניכטן בכלל קלאסן שפאלטונג און קלאסן הערשאפט.

פארשטעהט מען דעם סאציאליזם אזוי, אלס דעם אנפאנג פון א נייער תקופה אין דער אנטוויקלונג פון דער מענשהייט, אלס דעם איבערגאנג פון א קלאסן-געזעלשאפט צו א פרייער, פון דער מלוכה פון נויטווענדיקייט אין דער מלוכה פון פרייהייט, ווי ענגעלס האט זיך אויסגעדריקט — איז ממילא קלאר, האס ער מוז מיט זיך ברענגען די קולטיווירונג פון א סך נייע שאפונגס עלעמענטן, וואס אונטערשיידן זיך בתכלית גמור פון די עלעמענטן פון דער ביז איצטיגער קולטור נישט נאר אין פאליטישן און עקאנאמישן געביט, נאר אויך אויף אלע אנדערע געביטן פון סאציאלן לעבן. דער סאציאליזם באדייט אלזא נישט נאר א פאליטישע אדער עקאנאמישע רעוואלוציע נאר אויך א רעוואלוציע אין דער פילאזאפיע, ליטעראטור, קונסט, וויסענשאפט א. ז. וו. א רעוואלוציע אין די באציהונגען פון מענש צו מענש, פון פאלק צו פאלק, פון מאן צו פרוי, פון עלטערן צו קינדער, פון יחיד צום כלל, א רעוואלוציע אין פיהלן, דענקען און טאן.

אין די דאזיגע רעוואלוציע ווערט איינגעצויגן, אנטוויקלט און פארשפרייט פון טאג צו טאג, אבער, נישט אויף אלע געביטן גייט די אנטוויקלונג מיט דעם זעלבן טעמפ; אבער, ס'זיינען דא געביטן, וואו אפילו די אויבערשטע קארע פון דער בורזשואזער קולטור איז נאך נישט ווי ס'באדארף צו זיין אפגעשיילט, ווי, למשל, אויפ'ן געביט פון עטיק — אין דער אדער יענער מאס קומט אונטער די אנטוויקלונג פאר אומבאוואוסט, די קנוילן פון סאציאליסטישער קולטור ווערן צעווארפן איבעראל און פרידער אדער שפעטער וועלן זיי ברענגען פרוכט.

די מלחמה און די רעוואלוציע האבן אנטפלעקט פאר אלעמען ווי שטארק צופוילט און סכנה'דיג ס'איז פון איין זייט די בורזשואזע קולטור און ווי שוואך אנטוויקלט און ווייניג באפעסטיגט עס זיינען פון דער אנדער זייט לעת עתה די עלעמענטן פון דער סאציאליסטישער קולטור. אט פארוואס ס'איז איצט אזוי פול מיט טראגישע מאמענטן די אנטוויקלונג פון די פעלקער פון אייראפא, אט פארוואס ס'זיינען אזוי גרויס און שטארק די חבלי לידה פון דער אנקומענדער סאציאלער ארדנונג.

א פארטיפונג פון די פארשידענע פראבלעמען פון סאציאליסטישער שאפונג אויף אלע געביטן פון סאציאלן לעבן איז הייבער איצטער באזונדערס וויכטיג. נאך מער וויכטיג איז די פראקטישע בעטייליגונג איינצופירן די עלעמענטן פון סאציאליזם אין לעבן.

ס'איז איצט נישט אונזער אויפגאבע זיך אפצושטעלן אויף אלע פראבלעמען פון סאציאליסטישער שאפונג. מיר ווילן נאר באריהרן איין עקאנאמישעס פראבלעם. דאס דאזיגע פראבלעם איז אבער פון אזא כאראקטער, דאס זיין לעזונג איז פארבונדן ארגאניש מיט דער לעזונג פון א סך אנדערע פסיכאלאגישע, עטישע און פאליטישע פראבלעמען; דאס דאזיגע פראבלעם איז דאס פראבלעם פון סאציאליסטישער קאלאניזאציע.

ג.

דאס פראבלעם פון סאציאליסטישער קאלאניזאציע איז צו דער וועלט צייט אלט און ניי. אלט איז דאס דערפאר, וואס [illegible] אין 1679 יאהר האט א גרופע דייטשע עמיגראנטן אונטער דער אנפיהרונג פון אן אונגעבילדעטער פרוי מיט [illegible] ארויסגעפאהרן קיין אמעריקא און געפרובט זיך שאפן א נייעם לעבן אויף באזונדערע סאציאלע יסודות. א ביסל שפעטער און קאנקרעטער איבערדריק האט דאס פראבירט געפינען אין די ווערק און מעשים פון די גרויסע אוטאפיסטן, שארל פוריע, ראבערט אוען און זייערע תלמידים. פון דאן אן האבן נישט אויפגעהערט געמאכט צו ווערן פון פארשיידענע גרופן מענשן אלץ נייע און נייע פארזוכן צו באשאפן א נייע סאציאלע ארדנונג דורך קאלאניזאציע פון אינאנד זיידלער

לענדער. די מערסטע פארזוכן זיינען געמאכט געווארן אין אמעריקא, הויפטזעכליך אין די פאראייניגטע-שטאאטן פון צפון אמעריקא. ניי איז אבער די דאזיגע פראגע פאר דער איצטיגער סאציאליסטישער באוועגונג. זינט דער אוטאפישער סאציאליזם האט באנקראטירט און איז פארביטן געווארן דורך דעם מאדערנעם וויסענשאפטליכן סאציאליזם, איז די אידעע פון סאציאליסטישער קאלאניזאציע געווארן טרפה אין דער סאציאליסטישער באוועגונג; אזוי טרפה דאס מען האט לחלוטין נישט געשענקט איר די מינדעסטע אויפמערקזאמקייט. נאר אין דער לעצטער צייט באמערקט זיך אין געוויסע סאציאליסטישע קרייזן א גרויסע ענדערונג אין דער דאזיגער הנהגה. מיט פיר יאהר צוריק זיינען דורך וויכטיגע סאציאליסטישע כוחות אין די פאראייניגטע שטאאטן פון צפון אמעריקא געמאכט געווארן צוויי פארזוכן צו גרינדן סאציאליסטישע קאלאניעס. אין די נעקסטע ארטיקלען וועלן מיר די דאזיגע פארזוכן גענויער באהאנדלען.

מיט וואס דערקלערט זיך אזא באציהונג פון דער סאציאליסטישער באוועגונג צו דעם דאזיגן פראבלעם? לויט אונזער מיינונג מיט צוויי אורזאכן, ערשטענס, דערמיט וואס די גרינדונג פון סאציאליסטישע קאלאניעס, קאמונעס, פאלאנסטערן איז געווען איינער פון די ליבלינגס-אידעען פון דעם אוטאפישן סאציאליזם און, צווייטענס דערמיט וואס די פארזוכן צו פארווירקליכן די דאזיגע פרינציפ אין לעבן האבן זיך ארויסגעוויזן פאר א מיסגליק, דורכפאל. די דאזיגע ביידע אורזאכן פארדינען אבער דורכאויס נישט אזא באציהונג. דאס, וואס אין די טעאריעס פון די ערשטע סאציאליסטן איז געווען פיל נאאיווס, אוטאפיסטישעס באווייזט דורכאויס נישט, דאס צוזאמען מיט דער אוטאפיסטישער שאלעכץ האט מען געדארפט ארויסווארפן אויך די געזונטע רעאלע קערנדלאך פון סאציאליסטישער שאפונג, וואס האבן זיך דארטן געפונען. צו די דאזיגע געזונטע קערנדלאך, וואס זיינען אן שום ספק פאראן זעהר פיל אין די טעאריעס פון די גרויסע אוטאפיסטן, וועט די סאציאליסטישע באוועגונג זיך נאך מוזן אומקערן. וואס מער די באוועגונג וועט איבערגעהן פון צושטערונגס-ארבעט צו שאפענדער, פון אונטערגראבן די קאפיטאליסטישע ארדנונג צום איינפונדאמענטירן די יסודות פון דער סאציאליסטישער, אלץ מער וועט מען מוזן צוריק אויפבלעטערן די ווערק פון פריהערע און אויך ארויסשיילן פון אונטער דער אוטאפיסטישער שאלעכץ די געזונטע קערנדלאך אין זיי.

פון דער אנדער זייט דאן, וואס די ביז אצינד פארזוכן פון סאציאליסטישער קאלאניזאציע האבן זיך נישט איינגעגעבן באווייזט נאך ווייניגער, אז זעלכע פארזוכן קענען זיך אויך אין דער צוקונפט נישט איינגעבן, דאס די אידעע איז בכלל אוטאפיסטיש. די געשיכטע און דאס לעבן האבן פארקערט באוויזן ווי שטארק פארזיכטיג מען דארף זיין אין ווארפן [illegible] באוועגונג, [illegible] א רעאלע די באשולדיגונג פון אוטאפיזם. וועלכע נייע באוועגונג, וועלכע נייע ארגינעלע אידעע, וועלכע לעגט זיך נישט ארויף אין דעם אנגענומענעם שאבלאן האט נישט געדארפט פארטיידיגן זיך געגן אזא באשולדיגונג. מיט איניגע צענדליגע יאהר צוריק האבן פילע געלערנטע, אויבערפלעכליכע וויסנשאפטלייט באוויזן על פי די געזעצן פון דער וויסנשאפט, דאס דער געדאנק פון א לופט שיף איז אן אוטאפיע, אן אומעגליכע פראבלעם. צום סוף איז געקומען דאס פראקטישע לעבן און זיך אויסגעלאכט פון די דאזיגע באווייזן: די לופט שיף איז געווארן א רעאלער פאקט. ביי היינטיגן טאג זיינען צענדליגער רייסטע ערנסטע וויסענשאפטלייט פארנומען מיט אזעלכע די אלטע שוין פון לאנג פארגעסענע פראבלעמען פון די אוטאפיסטן פון מיטעלאלטער, די אלכימיקער, די פראבלעמען פון טראנספארמאציע פון עלעמענטן, פון קראנקהייט און טויט א. ד. ג. און די רעזולטאטן פון די דאזיגע אויפקלערונגען וואס זיינען שוין דערגרייכט געווארן, צייגן נאר נישט הנראה, אז די ארבעט איז אן אומזיסטע און אוטאפיסטישע.

אויך אויפ'ן געביט פון סאציאלן לעבן האט די געשיכטע אונז געצייגט נישט איין ביישפיל פון פארווירקליכטע אוטאפיעס. פון הריבית וואס זיינען נקיים געווארן אויף הונדערט יאהר, פון באוועגונגען וואס זיינען [illegible] געווען א דורכפאל און האבן שפעטער דערגרייכט דעם גלענצענדסטן ערפאלג. איינער פון די בעסטע ביישפילן שטעלט מיט זיך פאר די קאאפעראטיווע באוועגונג. נאך [illegible] דעם אין נעקסטן ארטיקל.

[illegible]

די אידישע גאס.

אבלות... דאס איז דער פאן פון דער אידישער גאס. אלץ ווערט אפגעווישט, פארלארן, אוים פראגן, פראבלעמען, אלץ האט זיך אין איין פינסטערן קאשמאר און אין טויט-שרעק צונויפגעגאסן — פאגראמען! נישט קיין ריכטיגער אדער פאלשער בירגער-קריג, נישט קיין מלחמה, נאר פאגראמען, דער ווילדער, ווילדער, פינסטערער מאסן-מארד, דער היסטארישער „שעיר לעזאזל" פון יעטוועדער סאציאלער איבערקערונג. דער געשוואוירענער אונשולדיגער „קרבן" פון פרייהייט'ס און פארשקלאפונגס קאמפן. געפאלענע, ברידער-מארד — דאס איז היינט נישט קיין אויסנאם. דערמיט איז די וועלט פיל „ווי מיט וואסער דער ים". נאר איטשוס האט עס יכה"פ עפעס א היסטארישן געזעלשאפטליכן זין, ס'ווערט באשטימט דער שיקזאל פון דער, אדער יענער אידעע. אבער פאגראמען? דאס ווייסטע מדבר-יאהרט וואס קלינגט אזוי פאטאל ווי טשיטא, באלעדא. — דאס נידערטרעכטיגסטע און געמיינסטע, וואס דער ברייטער קאמף פון דער מענשליכער געשיכטע ווייזט, נאר דאס איז דאך אן אלטע געשיכטע אין ווער האט עס מוט און כח איבערצוחזרן?

נאך די שוידערליכע רוסישע „פאטריאטישע פאגראמען" אין אנפאנג פון דער מלחמה, זיינען היינט געקומען די נאך שרעקליכע „רעפובליקאנער פאגראמען". דעם אנפאנג האט געמאכט דאס באפרייטע פוילן. די פוילישע לעגיאנערן האבן זייער פרייהייטס-יום-טוב געפייערט מיט „ראזוי". דאס לאנד פון „מה יפית" האט אונז מכה געווען מיט „ראזוי". פוילן איז נישט היסטאריש געבליבן אין דער גרויסער היסטארישער שעה פון איר פרייהייט... די פוילישע פריצים, גרויס-קאפיטאליסטן און אויך די קליינבירגערשאפט, וואס איז באזונדערס פארדארבן דורך פוילישן שאוויניזם האט יארן לאנג געקולטיווירט דעם פאגראם-גייסט קעגן דער שוואכער אידישער מינדערהייט.

מ'מוז זאגן אפען, אז ערגיץ אין קיין לאנד נישט איז דער אנטיסעמיטיזם אזוי פאלקסטימליך ווי אין פוילן. דער באקאנטער אידישער [illegible] און דאשינסקי'ס שטעלונג צו די אידישע נאציאנאלע פאדערונגען, איז איין אויסדרוק פון דעם פארפעסטעטן פארגיפטן גייסט, וואס האט באהערשט די פוילישע מאסן. „ראזוי" איז דער ווייטסטער רעזולטאט, דער „אפאגעי" פון דעם פוילישן פארברעכערישן ענגהארציגן צביעות'דיגן און קאטוילישן פאנאטישן נאציאנאליזם. די דאזיגע גיפטיגע פוילישקייט וואס פארמאגט ווייסע פליגלען פון א טייב און א שנאבל פון א קארשון; א שלאנג אין א ווילדן וועלט, וואס איז פרייהייטליך גרויסמיטיג פאר ליידן צו זיך, און דעספאטיש ביז-מאל איגנוירנדיג צו די פון איר אונטערדריקטע נאציאנאלע מינדערהייטן. די „פרומע קאין" וואס קוילעט אידן און מאכט דערביי די ברכה פון „נאציאנאלער פרייהייט", די ראפינירטע ספעציאליסטן אידן-פארפאלגער האבן זייער שלימות אין פוילן איבערהויפט אין לוואוו דערגרייכט...

דערנאך קומט די שווארצע פעטע ערד פון אוקראינע, וואו עס זידט נאך דאס אידישע בלוט פון גזרת ת"ח. דאס וואס אין אוקראינע קומט פאר איז נאר אונמעגליך זיך פארצושטעלן, צו אזא אכזריות, צו אזא בלוט-דורשטיקייט האט נאך קיין פאגראם נישט דערלאנגט. פראסקוראוו האט „פארשעמט" ליאוו. עס איז קיין ספק איצט נישט מער, אז דער הויפט אינטעליגענטן, סיי פון אלט ביז פונ'ם נייעם דירעקטאריום און די ארמייען וואס געהן הינטער זיי זיינען נישט קיין פאר. האבן א קנאפע שייכות צווישן זיך. דער דירעקטאריום האט אנגעהויבן פון דער צוריקשטעלונג פון דער נאציאנאלער פערד. אויטאנאמיע און די ארמייע ווייטער האט געענדיגט מיט פראסקוראוו... ס'איז געווען אן ערב-רב פון כל'ערליי אויסוואורפן פון פארטשאדעטע אנטיסעמיטישע קוואקן און סתם באנדיטן. ס'איז קיין ספק נישט, אז די דאזיגע פאגראמשטשיקעס וועלן אוקראינא קיין פרייהייט און רעכט נישט ברענגען.

הלינים און רויבער האבן נאך קיין פאלק קיין פרייהייט נישט געבראכט. נאר דאס איז פאר אונז א קליינע נחמה. שטעט און שטעטלאך ווערן חרוב. אידיש בלוט גיסט זיך . . . מתים אן א

צאל און קיין הילף און קיין אויסזיכט אויף הילף איז אפילו נישטא!.. דאס ערגסטע און אומגליקליכסטע איז — מיר אליין האבן אפילו דעם כח צו שרייען, צו קרעכצן פארלוירן. אין א שטיין איז אונזער הארץ פארוואנדעלט געווארן. ווער איז אין דעם שולדיג? — ווער ווייס. שרייען נאך הילף? צו וועמען? צום „געוויסן פון אייראפא"? אה, אפילו אונזערע גרעסטע תמ'עוואטע דרשנים וועלן זיך איצט שעמען דאס אויפ'ן צונג צו ברענגען. די 4 יאהר מלחמה, און דער הארבער יאהר שלום האט אונז גוט באוויזן וואס דער דאזיגער „געוויסן פון אייראפא" שטעלט מיט זיך פאר. קיין געזעלשאפטליכע מיינונג. מיר זיינען טויב, פארדרימלט, פארשלאפן. באטש נעם און האק זיך קאפ און וואנט... אפשר איז עס די הילפלאזיקייט אונזערע די סבה פון אונזער צעמישטער, אפגעלאזענער בעמפקייט.

„נאציאנאלע אויטאנאמיע", „ארץ ישראל". ווי יתום'דיג דאס קלינגט איצט אויף דער אידישער גאס... דאס ווערט דערטרונקען אין בלוט. מעבטע וואס פארזיכערן אונז נאציאנאל-רעכט אין דער ציוניסטי? אין קיין איינער ניט וואס זאל אונז ראטעווען פון דער שחיטה אין דער געגענווארט; פארטרעטער אויף דער פרידענס-קאנפערענץ מיט פראסקוראוו אין איין צייט. דאס איז די טראגישע, אינטערעסאנטע טראגישע איראניע פון דער אידישער גאס...

צווישן די שטומע קרבנות פון מאס'ען טויט, מאס'ער אומבאהאלפענקייט פון איין זייט און ספעקולאציע פארדארבענקייט פון צווייטער זייט, פלאצט אויף א קליינער פאקט, וואס דערהויבט די אידישע גאס צו איר היסטארישער, מיסטישער גרויס, צום וואונדערליכן „בפינקס" פון אלטן אידישן „מסירת-נפש"...

צווישן די פיל פייגליכע, שוידערליכע פאקטן פון פאגראמען אויף אוקראינע, לייכט ארויס איין די מעשה מיט'ן „קדיש פון נאברושצא". אין נאברושצא האט מען דעם שוחט געכאפט, געשלאגן און לסוף אויפגעהאנגען. די שטריק האט זיך איבערגעריסן און דער שוחט איז אראפגעפאלן: די בילגאנעס האבן זיך דערבארימט און איינגעגעבן צולאזן לעבן דעם שוחט, נאר בתנאי, ער זאל זיך איבערצלמ'ן. דער שוחט וואס איז ערשט פון תליה אראפגעפאלן האט זיי אנשטאט א תשובה פייגן געוויזן... די בילגאנעס האבן אים דאן אויף שטיקער צעהאקט, דעם צונג אויסגעשניטן...

דער [illegible] פורפור-שיין פון „קדושים", פון דער הייליגער [illegible] אלטער אידישער גבורה האט אויפגעשיינט א [illegible], געקרייסט און געהייליגט די אידישע גאס.

טרייבענדיג מיר אפ פון זיך א ווייל דעם גרויסן אבלות אשע אין דעם ערד פון געפאלענע, שיצראוו, און גרייבן אים אונזער רוקן מיט טראגישן און גרויסן היסטארישן שטאלץ, און פאלן צו שטום אויף קניען איבעריליך און שטעלן פארן קבר פון נאברושצער שוחט.

א. ה.

פאליטישע איבערזיכט.

די שיינע דרשות צו נוטע מעשים איז בכלל א גרויסער מהלך, און ביי דיפלאמאטן אוראי און אוראי. ווען דער צענער ראט פון דער שלום קאנפערענץ האט נישט לאנג צוריק פארעפענטליכט זיין דעקלאראציע וועגן דער רוסישער פראגע, האבן זיך געוויס געפונען נישט ווייניג נאאיווע לייט, וואס האבן זי אנגענומען און ערנסט און דאבײ זיך געפרעהט מיט דער גוטער ווענדונג, וואס די לאגע אין רוסלאנד נעמט אן. ספעציעל, די פארבינדעטע אליין, די פאקטישע זיגער פון דער מלחמה, און וועמענס הענט ס'געפינט זיך איצט דער שיקזאל פון דער גאנצער וועלט, דערקלערן אזוי פייערליך, דאס זיי אנערקענען אלע נצחונות פון דער פעברואר רעוואלוציע אין רוסלאנד, און דאס רעכט פון די רוסלענדישע פעלקער איינצוארדנען זייער לעבן אזוי ווי ס'געפעלט זיי אליין, דאס די אריינמישונג פון

די פֿאַרבינדעטע אין רוסלאַנד וועט זיך אויסדריקן בלויז אין דעם, וואָס זיי וועלן קומען צו הילף רוסלאַנד מיט שפּייז און מענטשישע מיטלען, אָבער דורכאויס ניט אין קיין מיליטער אַריינמישן זיך אינעם בירגער קריג, וואָס קומט דאָ פֿאָר. דאַרף מען דען בעסער?

לאָזט זיך אָבער אויס, אַז דעקלאַראַציעס פֿאַרבלייבן דעקלאַראַציעס און מעשים בלייבן מעשים... צי האָבן די פֿאַרבינדעטע געשיקט נאָך דער דעקלאַראַציע א כך שפּייז און מענטשישע מיטלען קיין רוסלאַנד ווייסן מיר ניט. דערפֿאַר איז שוין אָבער אָן שום ספק, דאָס סאָלדאַטן און כלי זין האָבן זיי אונז צופֿיל געשיקט. און מערקווירדיג, עפּעס שטענדיג שטעלן זיך די דאָזיגע סאָלדאַטן אויף דער זייט פֿון יענע רוסישע כחות, וואָס האָבן א שטאַרקע נייגונג זיך אומצוקערן צו די אַלטע גוטע צייטן...

מ'דאַרף ניט פֿאַרגעסן, אַז דאָס ווערט געטאָן אין דער צייט, ווען צווישן די פֿאַרבינדעטע זעלבסט עקזיסטירן גרויסע מיינונגס־פֿאַרשידענהייטן בנוגע דער פּאָליטיק אין רוסלאַנד. ווען ענגלאַנד און אַמעריקאַ האָבן אָפֿיציעל דערקלערט דאָס זיי זענען קעגן א מיליטערישער אַריינמישונג אין רוסלאַנד און פֿאַר אַן אויסגלייך אונטער געוויסע באַדינגונגען מיט די באָלשעוויקעס. מ'קען זיך אַלזאָ פֿאָרשטעלן, ווי גלענצענד ס'וואָלט געווען די האַרמאָניע צווישן דעקלאַראַציע און מעשים, ווען די פֿאַרבינדעטע וואָלטן געהאַט אַן איינהייטליכע מיינונג אין דער פֿראַגע.

ווי ס'ווייזט אָבער אויס וועט קיין איינהייטליכע מיינונג איבער דער רוסישער פּאָליטיק ביי די פֿאַרבינדעטע אַזוי גיך ניט געשאַפֿן ווערן. די דאָזיגע פֿראַגע איז בכלל ביי זיי ווי אַ ביין אין האַלז, ניט איינצושלינגען און ניט אויסצושפּייען. אין איר זיינען פֿאַרבאַהאַלטן מיט אַמאָל צוויי גוואַלדיגע סתירות: א סתירה צווישן די באַלדיגע אינטערעסן פֿונ'ם גאַנצן קאַפּיטאַליסטן קלאַס און זיינע דאגות וועגן דער צוקונפֿט און אַ צווייטע סתירה, יעדענפֿאַלס א פֿאַרשידענהייט, צווישן די אינטערעסן פֿון די צוויי דאָמינירנדע בעלים אויף דער שלום קאָנפֿערענץ, פֿון ענגלאַנד און פֿראַנקרייך.

די באַלדיגע אינטערעסן פֿון דער זיגרייכער בורזשואַזיע פֿאָדערן די פֿאַרניכטונג פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע און די אונטערשטיצונג פֿון די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע כחות. נור דאַן וואָלט זי געווען זיכער מיט אירע קאַפּיטאַלן וואָס זי האָט דאָ אַריינגעלייגט נור דאַן וואָלט זי געקראָגן א פֿרייען צוטריט צו די אומגעהויערע רוסלענדישע נאַטור רייכטימער און, געהאַט א מעגליכקייט צו פֿאַרשקלאַפֿן צו זיך אויף צענדליגער יאָרן און עקאָנאָמיש זיין די אַרבעט פֿון די צענדליגער מיליאָנען פֿון דער רוסלענדישער באַפֿעלקערונג.

קומט אָבער דער געשפּענסט פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, דער אין וואַקסנדער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער מאַקסימאַליזם וואָס פֿאַרשפּרייט זיך צווישן די אַרבעטער מאַסן אויך אין די זיגער־לענדער און האַלט זיי אָפּ פֿון אַריינמישן זיך אין רוסלאַנד. פֿירן א קאַמף קעגן דער רוסישער רעוואָלוציע הייסט ניט מער און ניט ווייניגער ווי צו צולייגן א שוועבעלע צו דעם אומגעהויערן ברען־מאַטעריאַל פֿון אומצופֿרידנהייט און אַנטריסטונג וואָס האָט זיך אָנגעקליבן ביי די ברייטע אַרבעטער מאַסן אין דער צייט פֿון דער מלחמה, הייסט פֿאַרגיכערן דעם סוף פֿון דער בורזשואַזער קלאַסן־הערשאַפֿט.

וואָכן לאַנג זיצן שוין דעריבער די קאָפּ מענטשן פֿון דער בורזשואַזיע אין פּאַריז און טראַכטן אויף וועלכן פֿון די צוויי וועגן זיך צו שטעלן, און ביז היינטיגן טאָג זענען זיי נאָך צו קיין חלק ניט געקומען. דערביי באַמערקן מיר, דאָס דעם ערשטן וועג פֿאַרטיידיגט אַמשטאַרקסטן פֿראַנקרייך, אין דער צייט ווי ענגלאַנד און פֿאַרלויפֿיג אויך אַמעריקאַ זיינען געניגט אויסצוקלייבן דעם צווייטן. דער דאָזיגער אונטערשייד ערקלערט זיך מיט וויכטיגע אָביעקטיווע אורזאַכן.

קודם כל דערקלערט ער זיך מיט דעם באַזונדערן מהות פֿונ'ם ענגלישן און פֿראַנצויזישן קאַפּיטאַל. דער ענגלישער קאַפּיטאַל איז הויפּטזעכליך אַן אינדוסטריעלער, דער פֿראַנצויזישער איז מערסטנטייל א געלט־קאַפּיטאַל. דער מהות פֿון דער געלט בורזשואַזיע איז א וואוכערישע, א פּאַראַזיטישע, איר פּאָליטיק איז שטענדיג אַן אַגרעסיווע, יעדע אָנפֿאַלנדע אָן דעם מינדסטן איבערקלער וועגן די שפּעטערדיגע רעזולטאַטן. איר כלי זין — שטענדיג בלוט און אייזן, פֿאַרקערט, די אינדוסטריעלע בורזשואַזיע ערפֿילט נאָך געוויסע באַטן היינט צו טאָג, וועלכע ס'איז פֿונקציע אין דער אָרגאַניזירונג פֿון דער פּראָדוקציע, איז ניט אַזוי נולניש, ווייל זי האָט דאָך וועלכע ס'איז פֿאַרבינדונג מיט די אַרבעטער מאַסן און דער עיקר, זי נויטיגט זיך פֿאַר דעם ערפֿאָלג פֿון איר עקספּלואַטאַציע מער פֿון אַלץ אין שלום און א פֿרידליכן אומגעשטערטן אַנגאַנג פֿון דער פּראָדוקציע. דערפֿאַר איז איר פּאָליטיק מער פֿאָרזיכטיג, זוכט מערערע מאָל אויסצומיידן רעוואָלוציעס, שטרייקן און געברויכט אלס איר כלי זין אויך אָפֿטמאָל דעם קאָמפּראָמיס, די פּשרה מיט איר שונא, דעם פּראָלעטאַריאַט.

ס'איז דעריבער הויפּטזעכליך די מורא וואָס האָט אַרומגעכאַפּט לאָיד דזשאָרדזש'ן דעם ווייטזיכטיגסטן אידעאָלאָג פֿון דער ענגלישער בורזשואַזיע, ווען ער האָט דערזען די מעכטיגע כוואַליע פֿון עקאָנאָמישע שטרייקן, וואָס האָט זיך צעגאָסן נאָך דער מלחמה אין ענגלאַנד, ער האָט אָפֿנהערציג און עפֿנטליך ערקלערט, דאָס די דאָזיגע פֿראַגע באַאונרוהיגט איהם זייער שטאַרק. צוליב איר נעמט ער אפילו ניט קיין אַנטייל אין דער אַרבעט פֿון דער שלום קאָנפֿערענץ. און ער איז אַנטשלאָסן צו געהן אויף אַלערליי הנחות. ער איז גרייט אָנצונעמען אַלע עקאָנאָמישע פֿאָדערונגען פֿון די אַרבעטער, באַפֿרידיגן א גרויסן טייל פֿון זייערע פּאָליטישע פֿאָדערונגען אַבי... אַבי צו פֿאַרהיטן דעם ווייטערדיגן נאָרמאַלן אַנגאַנג פֿון דער פּראָדוקציע און אָפּשטעלן די שטרייקן.

צוגיסן צו דעם דאָזיגן פֿייער [illegible] דורך א מיליטערישער אַריינמישונג אין רוסלאַנד, וואָלט דעריבער געווען צו געפֿערליך, און ענגלאַנד איז קעגן אַזאַ אַריינמישונג. די פֿראַנצויזישע געלט בורזשואַזיע איז מער באַזאָרגט וועגן אירע קאַפּיטאַלן וואָס זי האָט אַריינגעלעגט אין רוסלאַנד

דאַן, דאַרף מען ניט פֿאַרגעסן, דאָס פֿראַנקרייך איז גייסטיג און איז א מיליטאַריסטישער לאַנד און דאָס פֿאָלק איז צוגעוואוינט צו מיליטערישע דינסט. אין די ענגלישע פֿאָלקס מאַסן איז דערצו ניט נאָר געווען קיין שום ליבע, נאָר פֿאַרקערט ס'האָט זיך ביי זיי א דאַנק פֿילע היסטאָרישע טראַדיציעס אַנטוויקלט א געוויסער האַס און עקל צו בלוט פֿאַרגיסונג. ווער רעדט נאָך דאַן ווען מ'פֿאָדערט פֿון די ענגלישע מאַסן צו דערשטיקן די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד צוליב וועלכע ס'איז אומבאַגרייפֿליכע פֿאַר זיי אינטערעסן פֿון די הערשענדע קלאַסן, איז גאַר קיין וואונדער ניט, וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו ליינען נאָך מער קרבנות אויפֿ'ן מזבח פֿונ'ם מלחמה־גאָט.

ענגלאַנד איז אויסער דעם בכלל א לאַנד פֿון היסטאָרישע קאָמפּראָמיסן און פּשרות צווישן קלאַסן, אין דער צייט, ווען אין פֿראַנקרייך האָט שטענדיג געהערשט אַן אויסערגעוויינליכע שאַרפֿקייט פֿון די אינערליכע פֿאָרמען פֿון קלאַסן־קאַמף, א שאַרפֿקייט, וואָס דערקלערט זיך געוויסער מאָסן מיט'ן פֿראַנצויזישן טעמפּעראַמענט.

חוץ דעם דאַרף מען נעמען אין אַנבאַטראַכט, דאָס קיינער האָט אַזוי שטאַרק ניט געליטן פֿון דער מלחמה ווי פֿראַנקרייך, דאָס אין ערגעץ איז דער געפֿיהל פֿון רעוואַנש, פֿון נוקם זיין זיך אין די שונאים, פֿון פֿאַרכאַפּן וואָס מער לענדער און באַרייכערט ווערן אויף זייער חשבון ניט אַזוי שטאַרק אַנטוויקלט, ווי אין פֿראַנקרייך. דאָס שאַפֿט ביי דער פֿראַנצויזישער בורזשואַזיע אַזאַ אַגרעסיווע שטימונג און מאַכט זי במעט אין גאַנצן בלינד צו די אינערליכע און אויסערליכע געפֿאַרן, וואָס רינגלען זי אַרום.

אַמעריקאַ, די דריטע גרויסמאַכט, פֿאַרנעמט א צווישן־לאַגע. דאָרט איז סיי דער אינדוסטריעלער, סיי דער געלט קאַפּיטאַל גלייך שטאַרק אַנטוויקלט. די דאָזיגע כתה'דיגע טענדענצן געפֿינען זיך אַלזאָ ביי דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן קלאַס זעלבסט. דאָס, וואָס פֿאַרלויפֿיג האָט זיך אַמעריקאַ בנוגע דער רוסישער פֿראַגע געשטעלט אויף דער זייט פֿון ענגלאַנד, דערקלערט זיך דערמיט, וואָס אין אַמעריקאַ זיינען די טראַדיציעס פֿון מיליטאַריזם נאָך ווייניגער אַנטוויקלט ווי אין ענגלאַנד און וואָס דער גלענצענדער צושטאַנד פֿון דער אַמעריקאַנער פּראָדוקציע רופֿט נאָר

ניט אַרויס קיין שטאַרקע נויטווענדיגקייט אין נייע מלחמות און בלוט פֿאַרגיסונגען.

צי וועט אָבער די באַציהונג פֿון אַמעריקאַ פֿאַרבלייבן די זעלבע אויך אויף שפּעטער איז נאָך א גרויסער ספק. ערשטענס האָבן די לעצטע וואַלן אין'ם אַמעריקאַנער קאָנגרעס באַוויזן, אַז ווילסאָן און זיין פּאַרטיי הייבן אָן צו פֿאַרלירן די מאַכט, אַז די אַמעריקאַנער מיליאָנערן ווערן ניט צופֿרידן מיט זיין פֿרידענס פּאָליטיק. צווייטענס, זיינען די טראַדיציעס פֿון דער אַמעריקאַנער בורזשואַזיע גאָר ניט אַזעלכע פֿרידליכע. דרויף זאָגן עדות די אונצאָליגע אַרבעטער בלוט־בעדער וואָס זי האָט געמאַכט ביי זיך אין לאַנד, דער שרעקליך־פֿאַרביסענער, אכזריות'דיגער, ציניש־חוצפּה'דיגער קאַמף, וואָס זי פֿירט אָן יאָרן לאַנג קעגן דעם געהאָרכזאַמען, וועניג־רעוואָלוציאָניזירטן אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס.

מ'קאָן אַלזאָ ערוואַרטן, אַז איר באַציהונג וועט זיך אין גיכן ענדערן.

נאָר ווי ס'זאָל ניט געלעזט ווערן די רוסישע פֿראַגע דורך די פֿאַרבינדעטע, איינס איז קלאָר: דער געשפּענסט פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע שוועבט נאָך אַלץ איבער די קעפּ פֿון די יעצטיגע וועלט־הערשער. קיינע מיטלען און תרופות וועלן איהם ניט פֿאַרטרייבן. סיי דער וועג פֿון בלוט און אייזן, סיי דער וועג פֿון קאָמפּראָמיס און פּשרה וועלן ניט אָפּהאַלטן דעם אַלץ מער אויפֿוואַקסנדן און פֿאַרוועגטן מאַרשירענדן אַרבעטער־קלאַס פֿון דערגרייכן זיין ענדציל צו פֿאַרניכטן פֿאָלשטענדיג די אָרדנונג פֿון רויב און עקספּלואַטאַציע און אויפֿצושטעלן אויף איר אָרט דעם נייעם בנין פֿון אמת'ער פֿרייהייט, אַלגעמיינער צופֿרידענהייט און סאָציאַלן יושר.

י. סעקאַדער.

יהודית.

פֿאַר'ן שפּיגל.

טאַנצן, טאַנץ איך פֿאַר'ן שפּיגל,
און איך דריי זיך ווי אַ שלאַנג!
אין מיין צימער זעהט מיך קיינער,
טאַנצן וויל איך, טאַנצן לאַנג.

ווילד צעוואָרפֿן מיינע לאָקן,
באָרוועס, און אַרום מיר ברענט...
מיט'מיין ווייסן, דינעם שלייער
מאַך איך פֿליגלען פֿון די הענט.

און איך דרעה זיך איין אין דרייען
כ'הייב זיך לאַנגזאַם אויף, און ווילד
ווי אַ מלאך מיט די פֿליגל
גריסט פֿון שפּיגל מיר א בילד.

און איך שוועב אַרום אין צימער
דרעה זיך אין די שאָטנס איין.
ס'טאַנצט מיט מיר דער פֿלאַם פֿון לעמפּל
ס'טאַנצט אין שפּיגל אויך די שיין...
— — — — — — — — —
אָך, דער פֿלאַם הערט אויף צו טאַנצן,
אָטעמט אויף און פֿאַלט צוריק.
געדיכט, געדיכטער ווערן שאָטנס,
שוואַרץ און שוואַרצער ווערט מיין בליק.

און איך טאַנץ אַרום אין שוואַרצן
דרעה זיך ווי אַ ווילדער שלאַנג.
אין מיין צימער זעהט מיך קיינער
טאַנצן וויל איך, טאַנצן לאַנג...

וו. לאַנדוי.

מיניאַטורן.

1.

זי איז געזעסן ביים ברעג פֿון ים און געוואַרט.

אַלע אָוונט האָט זי מיט גיכע, קליינע טריט צום ים געאיילט. אירע אויגן זיינען דעמאָלט געווען נאַס פֿאַרנעפּלט, און איר האַרץ האָט שווער געקלאַפּט פֿאַר ערוואַרטונג, און ווי דער ים געכוואַליעט...

פֿון ווייטן פֿלעגט זיך דערטראָגן אַ פֿאַרשטיקט איינגעהאַלטן ברומען — כוואַליעס האָבן איינע די אַנדערע געיאָגט און איינגעשלונגען און אָפּט פֿלעגט אַ שווערער, קרעכצענדיגער קלאַנג אָפּשלאָגן, — אַ שיף האָט זיך פֿון אַנקער געריסן און ברוגז געוויינט...

„ער וועט קומען... ער וועט קומען...“ — האָבן אירע בלייכע ליפּן שטיל געשעפּטשעט.

און טיילמאָל, אַ ווינט פֿלעגט איבער'ן ים אַ טרייב טון און די כוואַליעס זענען מיט כעס און ווייסן שוים אויפֿ'ן ברעג אָנגעלאָפֿן, פֿלעגט זי דעמאָלט אויפֿשפּרינגען, מיט איר קלאָר טיכל אין לופֿטן פֿלאַטערן, און רופֿן מיט אַ דינער, צאַרטער שטימע:

„ליבסטער... גיכער... איך בענק אַזוי!...“

איר שטיל פּנ'ים ווינט געטריבן, און איר ווייס, שמאָל הענטל מיט'ן קלאָרן טיכל האָבן די פֿינסטער דורכגעשניטן. און ניט ביי איין פֿישער, דאָס האַרץ שטאַרקער קלאַפּן געמאַכט, און דעמאָלט האָבן זיך צום ברעג דערטראָגן אָפּגעריסענע קלאַנגען פֿון אַ פֿישער־ליד, וואָס האָט געזונגען פֿון רוישיגע כוואַליעס און רוישנער ליבע, און אַ גרויס געבראַכט פֿון קרעפֿטיגע, בלוט־אָנגעגאָסענע אָרעמס, וואָס האָבן מיט רודערס אַ וועג אין ים דורכגעשניטן.

אָפּט פֿלעגן צום ברעג זיך לאָזן שטיפֿעריש פֿישער־מיידלעך מיט אָפּגעבריטע פּנימ'ער און פֿאַרביגע קרעלן אַרום זייערע קוי־לעבעדיגע העלזער. זיי פֿלעגן קומען זינגען, צו דער ים איז רוהיג און שטיל אין האַרצן אַ גרויס זעלטענע געריבענע שיכן, פֿלעגט זי זיך דעמאָלט אין אַ ווינקל פֿאַרשטעקן און זייערע פֿאַרביגע קליידער און קרעלן באַטראַכטן ווי אַ קליין קינד, וואָס האָט אינטערעסאַנטן ווייגען אויף אַ שפּילעכל זיך פֿאַרקוקט...

און איינמאָל ווען דער ים האָט זיך צעווינטן, גרויס־פֿאַרקרימטע כוואַליעס האָבן דעם ברעג געשטורעמט און ווייסע ים־פֿייגל האָבן אומרוהיג איבער'ן ים הויך געפֿלאַטערט, האָט זי ווייט, ווייט איבער'ן ים אַ ווייס פּינטל דערזעהן. דאָרט האָט זיך אַ זעגל אומרוהיג געוויגט, מיט די ברויזנדע כוואַליעס געקעמפֿט און צום ברעג זיך געריסן.

זי האָט אים גלייך דערקענט...

קיינער וואָלט זיך אין אַזאַ שטורם איבער'ן ים ניט געלאָזן, קיינער וואָלט אין אַזאַ ווינט דעם זעגל ניט איינגעהאַלטן.

זי איז ווילד אויפֿגעשפּרונגען, איר טיכל אַרויסגעכאַפּט, און איר ווייס, שמאָל הענטל האָט אין פֿינסטער ווי אַ ים־פֿויגל געפֿלאַטערט. זי האָט געוואָלט נאָך הויך רופֿן, שרייען מ'זאָל די לייב־

טורמ'ס אָנצינדן, מיט אַ מאָל האָט זי דערפֿילט, ווי אין האַרצן וואָלט אַ כוואַליע אָנגעשלאָגן און זיך אונטערגעזעצט בײַ אַ שטײַן אַראָפּגעלאָזן..

„ליבסטער... ליבסטער...״

אַ פֿײַער מיט אַן אָנגעברענטן פּנים און געלע צעשויבערטע האָר האָט זי אונטערגעכאַפּט, און אין אַ פֿאַרבאַרגענעם פֿון אַ פֿעלד פֿאַרהאַנג, און זי האָט איר צעריסן פֿאַר׳ן [illegible] אַרויסגעכאַפּט, מיט איר בענקענדן קערפּער זיך צו אים געצויגן, זײַן געזונטלעכע [illegible] רויטן ריח אין זיך אײַנגעזאַפּט און [illegible] מיט איר הייסן אָטעם אים זײַן פּנים געשטעכט.

— — —

פֿון ווײַטן, [illegible] אָבנטרויט האָט זיך געצויגן אַ ווײַסער פֿויגל וואָס [illegible] איבערן ים געפֿלאָגן און צום ברעג זיך געריסן...

II.

דער רעגן האָט שיטער אין די שויבן געקלאַפּט און דער ווינט האָט דורך אַ ריצל בײַם אונטערן פֿענצטער געריסן, ווען ער האָט פֿון קליינעם שראַנק דאָס בוך אַרויסגענומען.

צוואַנציק יאָר זײַנען פֿאַרבײַ זינט ער האָט דאָס בוך אַוועקגעשטעלט, און איצט האָט ער מיט ציטערנדע הענט דאָס ערשטע בלעטל איבערגעלייענט און מיט פֿאַרלאָשענע אויגן אין די אותיות זיך אײַנגעקוקט.

„ליבסטער מײַנער...״ — דאָס פֿון ערשטן זײַטל צו אים קרום געשריבן.

דער ווינט האָט זיך שטאַרקער צעוויינט און דער איינציקער בוים האָט אין פֿענצטער זײַנע נאַקעטע צווײַגן באַוויזן, און אים האָט אָנגעכאַפּט אַ מוטלאָזע בענקשאַפֿט נאָך דעם, וואָס ס׳איז געווען און [illegible] שוין קיינמאָל מער ניט אומקערן און ער איז שטיל מיט׳ן קאָפּ איבער׳ן בוך געפֿאַלן, ווי מ׳פֿאַלט צו אַ נאָענטן און צעשטערטן קבר, [illegible] מ׳האָט געצויגן פֿון ווײַט, ווײַט און מיט אַ ציטערנדער, [illegible] שטים, ווי ער וואָלט זיך מתירה געווען שטיל געשעפּטשעט:

„[illegible] יונגע...״

און דרויסן האָט אַ קראָה די לופֿט געשראָקן, און דער ווינט [illegible], און ער איז מיט׳ן קאָפּ איבער׳ן בוך [illegible] פֿון זײַן פֿאַרשוואַרצטער יוגנט און זיך אײַנגעזאָגט, און [illegible] מיט אַ [illegible], ווי ער וואָלט איבער אַ קבר געשטאַנען.

און אַז ער האָט זײַן קאָפּ צוריק אויפֿגעהויבן איז זײַן בליק געווען פֿאַרוואָלקנט, זײַן פּנים איז שפּיציק אויסגעצויגן געווען און די [illegible] האָט אין [illegible] ווינקלען קראַמפּהאַפֿט געצויגן...

[illegible] ער האָט אַ בלעטל איבער־געלייענט, ער האָט [illegible] געטאָן, ווי אַ ניט־געוועהנטער [illegible] אָן אַ לאַנג, לאַנג פֿאַר־[illegible] קלעם געשטעלט צו אים.

אַ רגע האָבן זיך בײדע אָנגעקוקט און די פֿאַרוועלקטע [illegible] האָט פֿון זײַן [illegible] אַמאָל געציטערט און געבעטן:

„פֿאַרוואָס האָסטו מיך פֿון קבר אויפֿגעוועקט...״

„פֿאַרוואָס האָסטו מיך פֿון קבר אויפֿגעוועקט״, — האָבן זײַנע [illegible] איבערגעחזרט.

ער האָט אַ צווייטן בלאַט איבערגעטישט, און מיט זײַן פֿאַרנעפּלטן בליק זיך אײַנגעגעסן.

„[illegible] פֿרימאָרגן... ווי [illegible] מײַן פֿייגל האָב איך הײַנט [illegible] אויסגעבליקט מײַן בלאָנד געלאָקט קאָפּ דערפֿילט... [illegible] האָט דער מאָרגן מײַן קאָפּ באַשײַנט און [illegible] האָט הײַנט אַ פֿריש קלינגענדיק לאַכן אָפּגעשײַנט... מיר איז באַנג... איך וויל אין גאָרטן... איך וויל בלאַסע צאַרטע [illegible]... בלאַסע צאַרטע... ווי מיידלעך שטיל פֿאַרבענקטע...״

מער האָט ער ניט געקענט און מיט זײַן מידן אויסגעמאַטערטן פּנים איבער׳ן בוך געפֿאַלן.

אין [illegible] האָט געזען אַ פֿרילינגס־פֿאַרנאַכט, די בוימער אין אַלטן גאָרטן זײַנען געשטאַנען שטיל און פֿאַרקלערט און קיין ווינט האָט זייערע בלעטער ניט באַוועגט. אין בלויען הימל זײַנען שוואַלבן און [illegible] געפֿלויגן, ווײַסע שוואַנען געשוואומען און פֿון ווײַטן, פֿון צווישן די אַלטע, געבויגענע בוימער האָט אַ מאַרמאָרנער פּאַלאַץ זיך אַרויסגעוויזן, מיט ברייטע, ברייטע טרעפּ און הויכע, שווערע זײַלן. און ניט ווײַט פֿון פּאַלאַץ איז אַ מאַרמאָר־סטאַטוע געשטאַנען: צוויי נאַקעטע זײַנען געווען אַרומגענומען און זייערע ליפּן האָבן זיך צוזאַמענגענאָסן. און דערנעבן זײַנען אַ יינגלינג מיט אַ מיידל געשטאַנען אַרומגענומען. דער יינגלינג איז ווי אַ גאָט געווען געשיקט און קרעפֿטיק, און דאָס מיידל איז ווי אַ געטין געווען שלאַנק און ביגיק און ווי די נאַקעטע פֿון סטאַטוע זײַנען זייערע ליפּן געווען צוזאַמענגענאָסן...

אין פֿענצטער האָט אַ האַרטער אָנגעהויבן קלאַפּן. ער איז דערשראָקן אויפֿגעשפּרונגען, און מיט [illegible] די פֿינצטער אַרומגענומען.

אויף דער ערד איז די פֿאַרוועלקטע בלום געלעגן און ווי אַ אומגעדולדיקער [illegible] געשמייכלט...

◆

ב. עפּעלבוים.

רחל שוואַרצבאַרד.

(פֿראַגמענטן)

I.

און ווײַל דאָס שטעטל איז געשטאַנען אויף דער גרענעץ פֿון פּוילן און דער מאַטע־אָרעע, בערל מאַשקעס איז געווען דער גביר פֿון דעם שטעטל — דערפֿאַר האָט זיך רחל שוואַרצבאַרד געעקשנט און געוואָלט מען זאָל איר שיקן לערנען אין דער גרויסער שטאָט אַרײַן.

נאָר בערל מאַשקעס האָט לחלוטין ניט געוואָלט אָנהויבן צו פֿאַרשטיין וואָס פֿלוצלינג ווי רחל, האָט זיך אַזאַ נאַרישקייט פֿאַרגלוסט, איז ער געווען רוהיק און אויסגעהערט רחל׳ס טענות: אַז „דאָס שטעטל איז איר אַ ענגער פֿרעמדער״, אַז „דאָ וועט פֿון איר גאָר ניט ווערן״, און אַז איר ציהט עס אַהין „אין דער גרויסער וועלט אַרײַן, ווײַל דאָ אין דעם בלאָטיקן שטעטל וועט זי פֿאַרפֿאַלן ווערן״... ער האָט רוהיק אויסגעהערט. די ברייטע באָרד זײַנע האָט זיך געצויגן פֿון אונטער די אויערן און איז געווען ברייט צעלייגט איבער די לאַצן, האָט ער זי מיט בײדע הענט אַ גלעט געטאָן און געזאָגט:

— ניין, דאָס וועסטו שוין ניט אויספֿירן.

און אַז רחל האָט בעטנדיק געפֿרעגט:

וואָס זשע וועט פֿון מיר דאָ דער תכלית ווערן?

האָט שוין בערל מאַשקעס מיט אַן אמת זיך געוואונדערט:

וואָס זשע? דיר איז נאָך אַלץ ווייניק? דאַכט זיך, איך האָב געטאָן נאָך מער ווי איך האָב געדאַרפֿט: איך האָב געהאַלטן לערערס, ס׳איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב דער לערער פֿון „שקאָלע״... ניט געקוקט אויף דעם וואָס ער איז אַן ערל, און ס׳שטעטל האָט עפּיס גערעדט מיט וועגן... בין נאָך צו דאַנקען אַ געפֿילדערטע, און בין שוין דאַכט זיך קיין קינד איך ניט, וועט נאָך העלפֿן און עס וועט זיך מאַכן אַ שדוך. ניין, וועט פֿון ר׳ בערל מאַשקעס זיך נאָך געפֿינען... וואָס זשע נאָך פֿאַר אַ תכלית ווילסטו?

און אַזוי האָט ער גערעדט לאַנג און געלאַסן, זיך גלעטנדיק די באָרד און דערמאָנענדיק, אַז בערל מאַשקעס פֿאַרמאָגט נאָך גרן צו־געבן. און גערעדט האָט ער אַזוי רוהיק, אַז סוף כל סוף האָט זיך רחל צעוויינט, געטופּעט מיט׳ן פֿוס און געשריגן, אַז דאָס וועט קיינמאָל ניט זײַן... אַז זי וועט זיך ניט לאָזן חתונה מאַכן... אַז זי וועט לויפֿן אין דער וועלט אַרײַן..

האָט בערל מאַשקעס געלאַכט, און זייער רוהיק געלאַכט:

— ווייס איך וואָס דו רעדסט שטותים? נאָר וואָס דען? אַ מענאַשקע ווערסטו ווערן?

דאַן האָט זיך די מוטער אַרײַנגעמישט. זי האָט אין קיך דערהערט, אַז רחל וויינט, האָט זי שוין פֿאַרשטאַנען „אַז ס׳האָט זיך שוין ווידער אָנגעהויבן״, איז זי אַרײַנגעקומען און אויסגעשטעלט אירע בייזע חלומות צו אירע שונאים׳ס קאָפּ; זי ווייסט בכלל ניט וועגן וואָס דאָ איז פֿאַראַן צו רעדן. ניטאָ דער שידוך איז שוין דאָ, און ניטאָ ס׳איז דאָ וועגן וואָס זיך צו האָפֿערן און ווי פּאַסט גלאַט פֿאַר אַזאַ קלוג קינד, ווי רחל איז, זי זאָל וויינען? שעמען מעג זי זיך.

איז רחל אַרויס פֿון דער גרויסער שטוב, און די אַלטע האָט געגעבן צו פֿאַרשטיין דעם איד מיט דער [illegible], [illegible] באָרד אַז אַזוי רעדט מען ניט מיט קיין קינד איבער מע וויל זי ניט [illegible], צו וואָס די גאַנצע מעשׂיות? און וואָס אַרט אים אַז זי וועט מיינען? זאָל זײַן יאָ, דערווײַל וועט נאָך צוגיין. דעם [illegible] און זי וועט זיך די נאַרישקייטן פֿון קאָפּ אַרויסשלאָגן.

דער אַלטער האָט בטבע שטאַרק געהאַלטן פֿון זיך און פֿלעגט בײַ זיך אָפּמאַכן [illegible] דעם ווײַבס קלוגע רייד — האָט איצט איך [illegible] אונטערגעגעבן.

— אפֿשר ביזטו גערעכט, מיר דאַכט זיך אָבער אַז דו גרייזט. אן עקשן איז זי, דײַן רחל...

— וואָס עפּעס מײַן רחל? אין אַז זי וועט זיך שטאַרק פֿאַרעקשנען מײַנסטו אַז דו וועסט מיט בייזן עפּעס מאַכן? אַ דאַנק גאָט, רחל׳ע האָט נאָך אַ מאַמען איך.

— דאָס זאָג איך דאָך, דו פֿירסט זי איבער.

זאָל דיר נאָר ניט אַרן, וואָס איך פֿיר זי איבער, [illegible] איבערפֿירן אין דײַן נוט מאַכן...

און דאָס האָט געהאָלפֿן, אַז די אַלטע איז שוין בײַז, און בערל מאַשקעס האָט זיך דערשראָקן, ווײַל געווען איז ער אַ פּראָסטער איד, מער ווי אַ פּרנסה [illegible] האָט ער ניט געקענט. און איך דאָך — האָט אים אײַנגעלערנט דער שווער זײַנער, וואָס האָט אַמאָל איך געוויינט אין דעם שטעטל, האָט געהייסן ר׳ אבֿרהם דעם רבּ׳ס און געווען פֿון גרויס יחוס... [illegible] דער רבי׳ס טאָכטער, דאָס איז [illegible] נעהאַנדעלט מיט פֿערד און געווען פֿון גאָר אַ פּראָסטער משפּחה, ניט מער — ער איז געווען אַן עושר.

און באַלד דאָס איז געווען מיט אַכט יאָרן צוריק, און בעת קינער אין שטעטל געדענקט עס ניט: הײַנט איז דאָך בערל מאַשקעס דער שיינער איד, און דער רײַכער איד, [illegible] האָט עס בערל מאַשקעס אַליין נאָך קיין איין טאָג ניט פֿאַרגעסן... און איז די אַלטע ווערט בײַז — ווערט זי ברוגז, און איז אַזוי לאַנג ברוגז, אַז ער בעט זי ניט איבער און זאָגט אַז זי איז גערעכט...

— — —

רחל האָט געוואוסט, אַז דערפֿאַר מאַכט וואָס דער טאַטע האָט זיך אַזוי אײַנגעשפּאַרט, וועט די מאַמע האַלטן מיט איר, האָט זי אָנגעהויבן פֿירן אַ ברוגז און זיך עקשנ׳ען. איז זי אַרומגעגאַנגען אַ שווײַגנדיקע און אַ פֿאַרשטעלטע, גאַנצע ווינטערדיקע איוונגען און האַלבע זומערדיקע טעג, איז זי געלעגן בײַ זיך אין צימערל און געלייענט די ראָמאַנען, וועלכע זי האָט אויסגעשריבן דורך דער פּאָסט. זי האָט עפּיס געהאַט דאָס געפֿיל, אַז דערמיט וואָס זי ליגט בײַ זיך אין צימער, און ווײַזט זיך ניט אויף דער ליכטיקער שײַן, דערנעענטערט זיך אַלץ די צײַט, ווען די מאַמע וועט אַרײַנקומען אַ פֿאַרווייניטע און וועט זאָגן:

— רחל זאָל שוין גענוג זײַן זיך געברוגזט, איך קען שוין מער ניט אויסהאַלטן, אַט נאַ דיר געלט און פֿאָר...

נאָר די מוטער איז מיט אַמאָל קראַנק געוואָרן. עפּיס האָט איר אָנגעהויבן שטעכן אין אַ זײַט, און אין שטוב איז געוואָרן אַ טומל, ווי ערב יום כּיפּור פֿאַר טאָג... די עלטערע ברודער, וואָס האָבן שוין געהאַט אייגענע קרעמען אין שטעטל, און [illegible] האָבן [illegible] די [illegible] און [illegible] מיט די ווײַבער און קינדער. מען האָט גערעדט שטיל און רוהיק [illegible] קראַנקע ניט [illegible]. האָט מען אַ דאָקטער געבראַכט, און די מוטער האָט [illegible] און דעם [illegible] ניט [illegible].

— וואָס אַ דאָקטער קען שוין העלפֿן... מכּתּם איז אַזוי אָנגעשריבן, געוואָרן...

איז אָבער רחל געשטאַנען נעבן בעט און איר אײַנגערעדט האָט זי געפֿאָלגט און דעם רעצעפּט גענומען, נאָר גערעכט איז זי געווען: אויפֿן אַנדערן טאָג איז זי אַרײַנגעפֿאַלן אין שטאַרקער היץ.

— — —

II.

רחל שוואַרצבאַרד האָט זיך אויפֿגעהערט ברוגזן און פֿאַרוואָרפֿן די ביכער. זי איז נאָר אַרומגעגאַנגען אַ שווײַגנדיקע און גע־בראָכן פֿון דעם וואָס איצט איז אַלץ פֿאַרלוירן, און ווען דעם וואָס זי קען זיך ניט אונטערגעבן און וועט זיך מוזן אונטערגעבן.

און געטראָפֿן האָט, אַז איינמאָל, איז דער פֿאָטער אַרײַנגעקומען צו איר אין צימער נאָר ניט רוהיק, ניט ווי זײַן שטייגער איז געווען. ערשט דאָ האָט רחל באַמערקט ווי זײַן באָרד איז אין גאַנצן ווײַס, ווײַל דאָס פּנים איז נאָך געווען [illegible], [illegible] האָט ער מיט אַ מאָל אויף איר חתונה געקריגט.

און ווײַל דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, [illegible] אויף איר חתונה האָבן, האָט זי געשוויגן, און אים אויסגעהערט. ער האָט זיך אַרומגעדרייט [illegible]. זי געדענקט פֿון דעם וואָס ער [illegible] שטוב איז געבליבן [illegible], [illegible] אַ שידוך [illegible], [illegible] אַ מיידל פֿון פֿיר און צוואַנציק יאָר. [illegible] האָבן זיך געגעבן [illegible] — וועט ער [illegible] צו איר.

זי האָט נאָך אַלץ [illegible] אויף אים, [illegible] געלאָזן, [illegible] פֿאַרזאָרגט, עפּעס ווי ער [illegible] אין הגלו זי דאָס איך [illegible] אַז דאָ [illegible] אַ שדוך און ער [illegible] און זי האָט [illegible] געפֿרעגט:

— פֿון וואַנען רעדט מען עס?

זײַן פּנים האָט [illegible] אויפֿגעשײַנט, האָט ער שוין אָנגעהויבן [illegible] און האָט דערציילט. [illegible] זייער [illegible] אַ בחור [illegible] פֿון [illegible] „[illegible]״... ער איז זעהר אַ געלערנטער״... ער קען גאָר שטאַרק [illegible]... [illegible] נאָך [illegible] „די [illegible]״... [illegible]... [illegible] וואָלט אודאי ניחא געווען אַ מענטש אַ סוחר... נאָר וואָס [illegible] אַז מען האָט אַ [illegible] אַן עקס...

און דערפֿאַר מאַכט וואָס [illegible] וואָלט ניחא געווען אַ מענטש אַ סוחר, איז איר [illegible] געפֿעלן דער וואָס [illegible] „פֿון אירע מענטש״.

דאַן איז זי אַרויסגעפֿאָרן זיך [illegible] מיט נאָלדמאַנען.

געטראָפֿן האָבן זיי זיך אויפֿן וואָקזאַל פֿון דער [illegible] באַן־סטאַנציע. זי האָט זיך דערוואוסט פֿון אים, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ סטודענט און געלערנט אין אויסלאַנד... און אַז ער איז איינער פֿון די ראַזיגע, וואָס שרײַבן אין די צײַטונגען און טרעפֿט זיך מיט אַזעלכע גרויסע שרײַבער, וואָס שרײַבן גרויסע ביכער.

דאָס אַלץ איז איר געפֿעלן, נאָר דאָס וואָס ער טראָגט ברילן און האָט אַ [illegible] האָט עפּיס קאַליע געמאַכט. ווען ער וואָלט באַטש ניט געדאַרפֿט קומען צו זיי אין שטעטל... האָט זי אים אויסגעהערט. און אַליין האָט זי געשוויגן, דערבײַ האָט זי געטראַכט:

„דאַכט מיר, אַז פֿון דעם וועט נאָר ניט אַרויסקומען [illegible] האָב איך צו בענקען נאָך אַ פֿרעמדן מענטש״.

זי זײַנען זיך [illegible] טאָג צעפֿאָרן...

— — —

זי האָט מיט אַמאָל [illegible], אַז דער אַלטער האָט אָנגעהויבן שווײַגן און טראַכטן צופֿיל. ווען זי איז אַרײַן אין שטוב און אים געטראָפֿן זיצן, איז ער עפּיס ווי צעדרודערט געוואָרן. אָנגעהויבן פֿינגערלען מיט די אויגן און זי אײַנגעשטעלט. ווי ער וואָלט געוואָלט אָנהייבן רעדן, און דערפֿאַר האָט ער זיך [illegible] פֿאַרעקשנ׳ט אין [illegible]... ער האָט זיך באַשטעלט אַ פּאָר [illegible], איז אַ פּאָר מאָל פּלוצלינג אַוועקגעפֿאָרן און רחל האָט ניט געוואוסט וואָ אַהין

און איינמאל איז געקומען צו זיי אין שטוב עפּיס א איד מיט א שפּיצין, געלב בערדל, און מיט א בייכל. ער איז געווען אנגעטון זעהר ציכטיג און געטראגן פינגערלאך אויף די פינגער, געריכערט פּאפּיראסן פון א דיק גאלד־שטיינען כּנאַר־שפּיצל און האט עפּיס געטענה׳ט מיט׳ן פאטער. דערנאך זיינען זיי ביידע אריינגעקומען אין עס־שטוב צום מיטאג און דער פאטער האט באקאנט מיט רחל׳, ביים טיש האט ער גערעדט פון דער מיל וואס ער האט אין דארף, ניט ווייט פון שטעטל. און פון דעם זיין אזוי ער האט געמאכט פון דער מיל א לייש.. סך הכל א יאר, אז ער האט זי געקויפט, און איצט שטעהט שוין דארט דער אבת ער מאכט און גייט „יאלע" זיינען צינעקומען.

רחל האט דאס אייסגעהערט, געשוויגן פארביסן, און מיט אמאל זיך אויפגעהויבן און אוועק פון טיש.. זי איז אריין צו זיך אין צימער, איז געבליבן זיצן ביים פענסטער און האט שוין געוואוסט, אז חתונה האבן וועט זי מיט דעם וואס הייסט נאלדמאן, און וועמענס ווייזיט־קארטל מיט זיין אדרעס עס ליגט ביי איר אין צימער.

דעם זעלבן אווענט האט זי געשריבן א בריוו צו נאלדמאנען, געשריבן האט זי אויף רוסיש און איז דערביי זעהר טרויריג אויסגעשלאָסן געווען.

און געשריבן האט זי פון דעם, אז זי רייסט זיך מיט אלע כחות ארויס אין דער גרויסער שטאָט אריין, וואו ער, דער הער נאלדמאן האט דאס גליק צו וואוינען. דערנאך איז געגאנגען א באשרייבונג פון דעם קליינעם בלאָטיגן שטעטל וואו „די וואָרקעס גיין שטענדיג טרויעריג" און געענדיגט האט זי דעם בריוו: „זייט וועט דער ליבענסווירדיגער הער מיר אויסשטרעקן די האנט און העלפן קומען אהין וואו „די הארץ לעבעט" און „עס וואלט ניט אויסגעמאכט, ער זאל ארויסקומען צו זי אין שטעטל".

ווען זי האט שוין געהאט דעם בריוו אנגעשריבן, און געטראכט צו זי זאל אים צעררייסן, אדער אוועקשיקן, איז דער פאטער אריינגעקומען צו איר אין צימער, זיך אנגעהויבן ארומדרייען אויף איין ארט, און פרעגן וואס זי טוט, זי האט אים אנגעקוקט עקשנות־דיג און געשוויגן, און באלד האט דער אלטער אנגעהויבן מיט דעם זיין ניכח ווי אלע מאל — עס מוז דאך נעמען א סוף.. אזוי קען עס דאך אייביג ניט זיין. מדינא דיתי, זאל זי חתונה האבן און א היים פירן די שטוב. איצט — ער וועט אריבער צו א זון צו זיין... אט א מענש פון דער גרויסער שטאט.. ער איז גאר פון די אריסטאקראטן... און א מענש א בחור.

דאן האט רחל געזאגט גאנץ רוהיג און זיכער:

— איך שרייב איצט א בריוו צו נאלדמאנען, צו דעם, וואס האט דא א ביידער און מיט וועלכן איך האב זיך שוין געזעהן;

זי האט עס געזאגט אזוי קאלט ווי זי וואלט געוואוסט א דאס מוז זי דעם טאטן צו לייבע, זאל ער איר ניט ברענגען קיין אירן מיט געלבע בערדלין...

איך די איינציגע מעשה... מהיכי תיתי אליין בעסער ווי זי אט אזוי א.

אזוי האט געזאגט דער אלטער, און בשעת מעשה א טראכט געטון, אז מען דארף זיך מאכן באלד זעהן מיט דעם בחור, וואס האט דא א פּאפּיראסן־קליינער, און זאל ער איר באלד טעלעגראפירן...

וועגן אידישן פאלקס־אוניווערזיטעט.

ווייניג צייט צוריק איז דער אידישער פאלקס־אוניווערסיטעט אין ארעס אינגאנצן די חדשים [illegible] איז אבער די ארבעט, וואס ער האט אפגעטאן, כדי אפשאצן ווי געהעריג די ארבעט, מוז מען נעמען אין באטראכט די שווערע באדינגונגען אין וועלכע זי קומט פאר.

די פאליטישע לאגע האט די רעאקציע אין דער גרעסטער אנשטרענגונג הינט אריין די שטארקסטע נגרוזנבע און ראט זעהר ווייניג

מעגליכקייטן פאר סיסטעמאטישער, ארגאנישער ארבעט. און אין דער איינציגע צייט לעבן מיר פאקטיש אין אן אטמאספער פון דער שרעקליכסטער רעאקציע, פון אינקוויזיציע־צייטן — דאס איז אזא סיטואציע, ביי וועלכע זיך וועט לערנען לשמה קאנען נאר איינצעלנע מענשן.

נאך ערגער איז די עקאנאמישע לאגע: דער הונגער, קעלט און אינערליכע נויט, וואס האבן א שיעור נעמען אייס׳ן קאפ פון דער דעמאקראטיע פון אלע ווילן. און אלס א צוגאב דער באנדיטיזם, די פינסטערקייט און די פיזישע אנגעבערהייט, די מורא ארויסצוגיין די נאכט פון אנהויב אוונט און דער איבערגעריסענער פארקער צווישן פארשידענע טיילן פון שטאט.

און די באדינגונגען האט געפלאצט כמעט די גאנצע אויסערשול־בילדונג אין ארעס. דער איינציגער פאלקס־אוניווערסיטעט האט זיך אפגעשטעלט, די ווינטער און אינגאנצן — אויך. פון דריי אידישע אוניווערסיטעטן אויף דער מאלדאוואנקע האט עקזיסטירט נאר איינער מיט א מינימאלן צאל צוהערער. און, אין די איינציגע באדינגונגען האט דער אידישער פאלקס־אוניווערסיטעט באוויזן איינצוארדנען אין משך פון דריי חדשים 150 לעקציעס—כא, בעת די ארבעט ניט שטארק געווען.

א סך האט אויך געמאכט דער פאלקס־אוניווערסיטעט מיט דער רע־סיפיקאטישער לעגענדע, אז אין אידיש איז אוממעגליך צו אונטעררייכען נאטור־וויסענשאפטליכע און מאטעמאטישע לימודים: כימיע, פיזיק, באטאניק, אנגעווענדטע אנאטאמיע און פיזיאלאגיע, אנאטאמיע און פיזיאלאגיע פון נערוון־סיסטעם, אלגעברא, געאמעטריע.

כמעט אבער אפן אנגעוויזן דערין אויף די באציהונגען פון דער אידישער בורזשואזיע צום פאלקס־אוניווערסיטעט. דער פאלקס־אוניווערסיטעט לעבט איבער א פינאנציעלן קריזיס. איינגעלייגט, האט ער קיינע שטענדיגע הכנסות ביי א היצאה־ביודזשעט פון 7 טויזענט רובל א חודש. אהן א שטענדיגער געזעלשאפטליכער שטיצע איז זיין עקזיסטענץ אוממעגליך. וואס־זשע חיוב זיך מיט? ביז איצט זיינען געקומען צו הילף דעם פאלקס־אוניווערסיטעט צוויי אנשטאלטן און ביידע ניט אידישע: דער אלגעמיינער־פאלקס־אוניווערסיטעט און דער קאאפעראטיוו „בשרעשלייוואסט". פון די אידישע אנשטאלטן איז אין קול ואין עונה. די אידישע קהלה האט זיך דערווייל בעגנוגנט מיט איינארדנען א קאנצערט אויף דער פייערליכער ערעפנונג פון פאלקס־אוניווערסיטעט. די חברה „מפיצי השכלה" האט צוגעזאגט הילף, און קאנטאקט מיט׳ן פאלקס־אוניווערסיטעט און איז ביים צוזאג געבליבן.

דער פונד־יוצא איז, אז דער אוניווערסיטעט האלט ביי פארמאכן זיך. אויב דאס וועט טאקע געשעהן, וועט די פאראנטווארטליכקייט פאלן אויף דער אידישער בורזשואזיע און מער פון אלץ אויף דער אדעסער אידישער קהלה מיט איר בורזשואזער מערהייט.

א. נחימס.

די וואך.

די אינטערנאצ. סאציאליסטישע קאנפערענץ. די אינטערנאציאנאלע סאציאליסטישע קאנפערענץ אין בערן, אויף וועלכע ס׳זיינען געווען פארגעשטעלט אלע לענדער אויסער בעלגיען און שווייצאריע, האט געשיקט איר הויפט אויפמערקזאמקייט דריי פראגן: 1) וועגן דער פאראנטווארטליכקייט פאר דער מלחמה; 2) וועגן דעם שיקזאל פון די טעריטאריעס אויף וועלכע פאדערן די פארשידענע פעלקער פרעטענזיעס; 3) וועגן באלשעוויזם.

די דעבאטן וועגן דער ערשטער פראגע זיינען געווען זעהר הייסע. די פראנצויזישע סאציאליסטן פון דער פריהערדיקער מערהייט זיינען ביטער אנגעפאלן אויף דער דייטשער מערהייט די צאלביידונג פון די מענשן אין שטארק אפגעשוואכט געווארן דורך די רעדעס פון די דייטשע אונאבהענגיגע סאציאליסטן קאאוטסקי און אייסנער און דעם עלטער סאציאליסט פרידריך אדלער. אונטערשטעלט פאר דער קאנפערענץ איז וועגן דער פראגע אנגענומען געווארן א איינשטימיגע רעזאלוציע מיט אלע שטימען קעגן צוויי. דער גרונד־געדאנק פון דער רעזאלוציע באשטעהט אין דעם, דאס פארלייפיג רעכנט די קאנפערענץ די פראגע וועגן פאראנטווארטליכקייט פאר איינגעשטעלט דורך די דעבאטן, וואס זיינען פארגעקומען, און גיט איבער די פולשטענדיגע לייזונג צום צוקונפטיגן אינטערנאציאנאלן צוזאמענפאר.

וועגן די ספק׳דיגע טעריטאריעס איז אנגענומען געווארן דער פארשלאג פון׳ם פראנצויז מיסטראל: 1) באשטעטיגן דאס רעכט פון דער באפעלקערונג פון די ספק׳דיגע טעריטאריעס צו לייזן די פראגע דורך א פלעביסציט און 2) פראטעסטירן קעגן אנעקסיעס, וואס ווערן מאטיווירט דורך היסטארישע רעכט אדער דורך אנגעלעגענהייטן פון איין עקאנאמישן אדער מיליטערישן כאראקטער.

דער זעלבער מיסטראל האט אויך געהאלטן א פארטראג וועגן דער אידן־פראגע און וועלכן ער האט פארגעשלאגן צו רעקאמענדירן די אינטערנאציאנאלע באדייטונג פון דער אידן־פראגע און אויך דאס רעכט פון די אידן אויף פאלעסטינא. די קאנפערענץ האט דעם פארשלאג אנגענומען.

אויפן פארשלאג פון וו. קאסאווסקי, דעם פארשטעהער פון בונד אין פוילן, האט די קאנפערענץ אנגענומען א שארפן פראטעסט קעגן די ווילדע פאגראמען וואס זיינען פארגעקומען אין אוקראינע, פוילן און גאליציען.

וועגן באלשעוויזם זיינען אויך פארגעקומען הייסע דעבאטן. שארף קעגן די באלשעוויקעס זיינען ארויסגעטראטן אויסער די רוסישע דעלעגאטן אקסעלראד און רובאנאוויטש, מאקדאנאלד און רענאדעל, פאר זיי לאנגע און לאריוו. די קאנפערענץ האט פארמשפט די טאקטיק פון די באלשעוויקעס און דער זעלבער צייט פראטעסטירט קעגן דער אריינמישונג פון די פארבינדעטע אין די רוסישע ענינים. ס׳איז אויך באשלאסן געווארן צו שיקן א דעלעגאציע קיין רוסלאנד אויסצופארשן די ווירקליכע לאגע.

דער אטענטאט אויף קלעמאנסאָ. די פאריזער צייטונגען ברענגען איינצעלהייטן וועגן קלעמאנסאָ׳ס אנפאלער. זיין נאמען איז עמיל קאטען 22 יאר אלט. ער איז א סטאליאר, א באוואוסטער אנארכיסט, וועלכער איז שוין דריי מאל געווען געמשפט פאר אויפרייצענדער אגיטאציע צווישן סאלדאטן. אויף דער אויספארשונג האט קאטען דערקלערט: „איך בין א פריינד פון דער מענשהייט. איך האב אליין איינס ליב דייטשן און פראנצויזן, ביידע גלייך. איך האב קלעמאנסאָ ער איז א פיינט פון מענשליכן מין, ער איז די פארלענגערונג פון דער מלחמה, ער איז דער שטיין אין וועג צו דער באנייאונג פון דער געזעלשאפט. איך האב באשלאסן פטרן דעם געפערליכן מענשן נאך מיט אכט חדשים צוריק. איך האב ניט קיין מיטהעלפער".

קאטען איז איבערגעגעבן געווארן צום קריגס געריכט, וועלכער האט אים פארמשפט צום טויט.

די אומאפהענגיקייט פון אירלאנד. די „טיימס" מעלדעט: אלע דיפלאמאטן סענאטארן און רעפרעזענטאנטן פון די פאראייניגטע שטאטן האבן געקראגן פאלגענדע מעלדונג אונטערגעשריבן פון „סעקרעטאר פון דער צייט־ווייליגער רעגירונג פון אירלאנד". איך האב די ערע אייך מודיע צו זיין, דאס ארויסגעהענדיג פון׳ם רעכט אויף זעלבסט־באשטימונג פון יעדן פאלק, האט אירלאנד דעם 28 דעצעמבער 1818 מיט א מערהייט פון צוויי דריטל שטימען איבערגעריסן איר פאליטישן בונד מיט גרויסבריטאניען. די אירלענדישע נאציע אנערקענט ווייטער ניט מער געארג דעם פינפטן אלס קעניג פון אירלאנד. דאס פאראייניגטע קעניגרייך גרויסבריטאניען און אירלאנד עקזיסטירט ניט מער. די אירלענדישע רעפובליק לייקענט אפ דאס רעכט פון וועלכער ס׳איז אויסלענדישער מלוכה אויף אירלאנד, און פון איצט אן וועט זי אליין פירן פארהאנדלונגען אין נאמען פון׳ם אירלענדישן פאלק מיט דער רעגירונג פון׳ם בריטישן קעניג.

די פאדערונגען פון די ארמעניער. דער פארזיצער פון דער מארא־נער דעלעגאציע פאנאס ניבאר פאשא האט דערקלערט דעם שלום קאנגרעס פאלגענדע פאדערונגען: ארמעניען דארף ווערן צוריק איינגעשטעלט און איינשליסן אין זיך דאס רוסישע ארמעניען, זיבן ווילאיעטן פון טערקישן ארמעניע און גאנץ קיליקיע. איר אומאפהענגיקייט דארף ווערן גאראנטירט דורך דער ליגע פון פעלקער. אמעריקא אדער אן אנדערע פון די פארבינדעטע מאכטן דארפן האבן די אויפזיכט איבער ארמעניען אין משך פון ניט מער ווי צוואנציג יאר.

די נייע מלוכות און די פעלקער־ליגע. דער „זשורנאל ד׳אריאן" איז מודיע דאס ס׳איז באשלאסן געווארן די פראגע וועגן קליין אזיען איבערגעבן דער פעלקער־ליגע, וועלכע וועט זיך רעכענען מיט׳ן פרינציפ פון נאציאנאלער זעלבסטבאשטימונג. די נייע מלוכות (ארמעניען, סיריען, מעסאפאטאמיען, פאלעסטינא) וועלן זיך צייטווייליג געפינען אונטער דעם שוץ פון דער פעלקער ליגע.

דאס אפשאפונג פון טויט־שטראף אין גריכענלאנד. ווי מ׳מעלדעט פון בוקארעסט איז אין גריכענלאנד אפגעשאפט געווארן די צענזור און טויט שטראף.

די פראנצויזישע אקופאציע אין סיריען. אין זאלבאק איז ארונטערגענומען געווארן די אראבישע פאן און פארביטן געווארן מיט דער פראנצויזישער. אין מאראשאיין און אאודעב האט די פראנצויזישע רעגירונג איבערגענומען אונטער איר אויפזיכט די מיליטערישע און בירגערליכע אדמיניסטראציע.

די צייטווייליגע איינארדנונג פון דער פוילישער מלוכה. דער פוילישער גרינדונגס־סיים האט אנגענומען פאלגענדע רעזאלוציע: ביז דער געזעצגעבערישער באשטעטיגונג פון יענער טייל פון דער קאנסטיטוציע, וואס פרינציפיעל באשטימען די יסודות פון דער ארגאניזאציע פון דער העכסטער מאכט אין דער פוילישער מלוכה, גיט דער סיים צייטווייליג איבער די מאכט צו גענעראל י. פילסודסקי אויף פאלגענדע יסודות: 1) די העכסטע און געזעצגעבערישע מאכט אין דער פוילישער מלוכה איז דער גרינדונגס סיים. די געזעצן ווערן פארעפנטליכט דורכ׳ן מארשאל (פארזיצער) פון סיים מיט דער קאנטר אונטערשריפט פונ׳ם פארזיצער פונ׳ם מיניסטעריום און פונ׳ם מיניסטער פון דער אנטשפרעכענדער אפטיילונג. 2) דער הויפטמאן פון דער מלוכה פארטרעט זי איבעראל און איז דער העכסטער אויספירער פון אלע געזעצגעבערישע באשטימונגען פון סיים איבער מיליטערישע און בירגערליכע ענינים. 3) דער הויפטמאן פון דער מלוכה באשטימט דעם מיניסטער־קאבינעט אין הסכם מיט דעם סיים. 4) דער הויפטמאן פון דער מלוכה און די רעגירונג זיינען פאראנטווארטליך פאר דער אויספילונג פון זייערע התחייבות׳ן. 5) אלע אקטן פון דעם הויפטמאן פון א געוויסער מלוכה באדייטונג פאדערן דעם אונטערשריפט פונ׳ם מיניסטער פון דער אנטשפרעכענדער אפטיילונג.

די אנטוואפנונג פון דייטשלאנד. פון פאריז טעלעגראפירט מען, אז דער העכסטער מיליטער ראט פון די פארבינדעטע האט באשטעטיגט דעם פראיעקט פון אנטוואפנען דייטשלאנד. די גרונד הנחות פונ׳ם פראיעקט זיינען 1) דער פארבאט פון געצוואונגענער מיליטער דינסט אין דייטשלאנד. 2) די באגרענצונג פון דער צאל פון דער דייטשער ארמיי. 3) די באגרענצונג פון איר באוואפנונג און מיליטערישע מכשירים. 4) דער קאנטראל פון די פארבינדעטע איבער דעם אויספירן פון די דאזיגע באדינגונגען.

די רעזאלוציע פונ׳ם אמעריקאנער אידישן קאנגרעס. דער קאנגרעס פון די אמעריקאנער אידן אין פילאדעלפיע האט אנגענומען פאלגענדע רעזאלוציע: „דער קאנגרעס פון די אמעריקאנער אידן, שיקענדיג א דעלעגאציע קיין אייראפא באפולמעכטיגט זי צו ארבעטן צוזאמען מיט די פארשטעהער פון די איבריגע אידישע ארגאניזאציעס און באזונדערס מיט די פארשטעהער פון דער אלוועלטליכער ציוניסטישער ארגאניזאציע דערפאר, דאס די שלום־קאנפערענץ זאל אנערקענען די היסטארישע רעכט פון די אידן אויף פאלעסטינא אין דעם גייסט פון דער דעקלאראציע פון דער ענגלישער רעגירונג פון 27 נאיאבר 1917 יאר". די רעזאלוציע דערקלערט אויך, דאס „ערעטאלער וועלן געגעבן ווערן גענוגנדע גאראנטיעס, וואס פארזיכערן די בירגערליכע און רעליגיעזע רעכט פון דער ניט אידישער באפעלקערונג.

די אידישע נאציאנאלע פארזאמלונג. און קורצן וועט אין פאריז פארקומען די ערעפנונג פון דער אידישער נאציאנאלער פארזאמלונג, וועלכע וועט זיך פארנעמען ניט נאר מיט דער פראגע וועגן פאלעסטינא נאר אויך מיט׳ן אויסגעפינען מיטלען צו פארטיידיגן די אינטערעסן פון די אידן אין רוסלאנד, פוילן, גאליציען און רומעניען.

פינף מיליאן. די אידישע קאמיטעטן אין אמעריקא האבן באשלאסן צונויפצוזאמלען תכף ומיד פינף מיליאן דאלאר פאר די אידן פון מזרח אייראפא און פאלעסטינא. די זאמלונג האט זיך אנגעפאנגען מיט דער הילף פון אלע אידישע ארגאניזאציעס.

אידישע הילף פאר בעלגיען. די אמעריקאנער אידן האבן באשלאסן צו קומען צו הילף די בעלגיער מיט שפייז און קליידער. א באדייטנדע קאנטריבוציע פון אידישע באנקירן וועט געגעבן ווערן דער בעלגישער רעגירונג אין הלוואה. א רייכע פאבריקאנטן, וואס באלאנגען צו אידן, האבן דערקלערט, אז זיי וועלן ארבעטן פאר בעלגיען. דער בעלגישער אמבאסאדאר אין וואשינגטאן האט אויסגעדריקט די אמעריקאנער אידן א דאנק פאר זייער אינטערעסירטקייט צו בעלגיען.

ווילסאן און די ציוניסטן. דער פארשטעהער פון די ציוניסטן ווייצמאן איז אויפגענומען געווארן פון פרעזידענט ווילסאן. ווילסאן האט צוגעזאגט פאלשטענדיקע מיטווירקונג אין דער זאך פון באשאפן א זעלבשטענדיקע אידישע פאלעסטינא און אויך איינצושטעלן די פראגע וועגן דער אנערקענונג פון די אידישע נאציאנאלע רעכט אין אלע לענדער אויפ׳ן טאג־ארדנונג פון דער שלום קאנפערענץ.

א אידישע נאציאנאלע הלואה. „יידיש ידיעות" פון דער שווייץ און וואשינגטאן ארבעטן איצט די ציוניסטן אויס א פראיעקט פון א אידישער נאציאנאלער הלואה, וועלכע וועט גיין אהער אין אלע לענדער.

אין דער אָדעסער קהלה. די קהלה־פראַקציע פון דער אידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער פּאַרטיי „פּועלי ציון" האָט אַרײַנגעבראַכט אין דעם ראַט פון דער קהלה צוויי וויכטיגע פּראָיעקטן. דער ערשטער פּראָיעקט איז א לערר פּלאַן פאַר די אָדעסער קהלה'שע עלעמענטאַרע אנפאַנג־שולן. די גרונד יסודות פונ'ם לער־פּלאַן זיינען פאָלגענדע: 1) די שולן האָבן [illegible] צו געבן אידישע קינדער אַלוועלטליך־נאַציאָנאַלע ערציהונג און עלעמענטאַרע [illegible] בילדונג. 2) דאָס לערנען איז אומזיסט. 3) די שולן ווערן אויסגעהאַלטן אויף די קאָסטן פון דער אידישער קהלה און געפינען זיך אַדמיניסטראַטיוו און פּעדאַגאָגיש אין איר רשות. 4) די שולן זיינען געמישטע פאַר אינגלאַך און מיידלאַך. 5) אין די שולן ווערן געלערנט פאָלגענדע למודים: אידישע שפּראַך, אריטמעטיק, [illegible] (אין דעם גרעסטן [illegible]) [illegible] פון ארץ ישראל [illegible], אידישע געשיכטע, העברעאישע שפּראַך [illegible], מלוכה־שפּראַך, זינגען, מאָלן און גימנאַסטיק. 6) אלע למודים [illegible] דער העברעאישער און מלוכה־שפּראַך ווערן געלערנט אין אידיש. 7) [illegible] אין די שולן ווערן אנגענומען נור [illegible] [illegible] 8) [illegible]

דער צווייטער פּראָיעקט [illegible] פאַר צו גרינדן בײַ דער קהלה א [illegible] פאַר עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע. [illegible] פאָלגענדע פּראַקטישע אויפגאַבן:

1. [illegible]
2. [illegible]
3. [illegible]
4. [illegible]
5. [illegible]
6. [illegible]
7. [illegible]
8. [illegible]
9. [illegible]

— —

[illegible] אין אידישן פאָלקס־אוניווערסיטעט [illegible]

— —

איד. פאָלקס־אוניווערזיטעט. שבת, דעם 22 מאַרץ, וועט דער לעקטאָר ה' [illegible] עפּשטיין פאָרלעזן אין ראַטנער־קלוב אַן עפּיזאָדישן קורס אויף דער טעמאַ: „די אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע".
אנהויב 6 מיט 30 מינוט.

— זונטאַג, דעם 23 מאַרץ, וועט ה. י. לוריע פאָרלייענען אין „ראַט[illegible]קלוב" אַן עפּיזאָדישן קורס אויף דער טעמאַ: „דער קוואַרטיר־געזעץ".
אנהויב 3 מיט 30 מינוט.

אין דער פּועלי־ציוניסטישער וועלט.

אין [illegible] איז פאָרגעקומען א קאָנפערענץ פון די פּ"צ, אויף וועלכער [illegible] א גרויסע צאָל דעלעגאַטן. [illegible]

די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן [illegible] פון פּ"צ [illegible] אידישן אַרבעטער־[illegible]

*

אין [illegible], וואָס פון די [illegible]

אין [illegible] א אָרגאַניזאַציע פון פּועלי ציון.

פאַראַנטוואָרטליכער רעדאַקטאָר **ש. בליאַס.**

אַרויסגעבער: פאַרוואַלטונג פון קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט „דאָס נײַע לעבן" אין [illegible] **ש. גענדעלמאַן.**

עס דרוקט זיך
און אין גיכן ערשיינט
אַ ליטעראַריש קריטישער זאַמלבוך
„צווייגן"
[illegible]

44

אַבאָנעמענט:
א יאָהר 48 קר.
א האַלב יאָהר 24 „
א פֿערטעל יאָהר 12 „
א חודש 4 „

וויענער
מאָרגענצייטונג

וויען כ״ו תמוז תרע״ח
שבת־נומער
פרשה מטות ומסעי
6 יולי 1918

פּרייז 20 העלער.

פּרייז 20 העלער.

[illegible] אינסעראַטען די [illegible] און אַלע [illegible] לויט טאַריף.
[illegible] בײַ דער [illegible] בײַ אַלע [illegible] און [illegible]
אונגאַרן, און דײַטשלאַנד און אין פּוילן [illegible].

נומער 125
צווייטער יאָהרגאַנג.

ערשיינט טעגליך, חוץ שבת און יום טוב.
אדרעס: וויענער מאָרגענצייטונג, וויען II [illegible] 58 B
טעלעפאָן: 40008 — טעלעגראַמען: מאָרגענצייטונג וויען [illegible]

מ״ גראַטולירען אונזער פֿריינד משה אבוש פֿון אלעשציצע צו זיין פֿערלאָבונג
מיט פֿרל. רייזעל בראַנד פֿון נעמיראָוו.
צבי הראַוויץ פֿון ראַדימנא, יעקב כ״ץ שמ״ער פֿון ציעשאַנאָוו.

א הערצליכען מזל טוב מיין פֿריינדין פֿרל. שפרה ראַזמארין צו איהר פֿערלאָבונג
מיט ה׳ חיים קליענער פֿון גראַדעק.
לאַטטי לינדענבליטה.

א הערצליכען מזל טוב צו דער פֿערלאָבונג פֿונ׳ם פֿרל. שפרה ראַזמארין פֿון
[illegible] מיט ה׳ חיים קליענער פֿון גראַדעק יאַגיעלאָנסקי וואונשען
די קוזינען שוועסטער שיפֿער.

איך גראַטוליר הערצליך מיין ברודער פינחס ראב פֿון בייטש צו זיין פֿערלאָבונג
מיט פֿרל. נישעל אולמאַן פֿון גאַליציע און וואונש זיי א גליקליכע צוקונפֿט.
ראובן ראב מיט דער פֿרוי.

איך גראַטוליר מיין קוזינע מאַטילדע מאסטבוים צו איהר פֿערלאָבונג מיט
ה׳ מנחם סאָבעל פֿון גאַליציא און וואונש זיי א גליקליכע צוקונפֿט.
משה שמואל מאסטבוים, (אישאַנא־דאַלנא.)

לכל ידידי וידידותי שברכוני ליום חתונתי ובפרט לחברי וחברות אגודת „צעירי ציון" „ושומרים" על הכבוד שהנחילוני ועל החנינה שערכו למעני בהפרדי מהם, הנני שולח את תודתי הנובעת מקרב לבי.
בברכת ציון י. מ. שרייבער, טורקא ע״נ סטרי.

שמועות וועגען פֿריעדען.

מינכען 5 יולי.

די „מינכענער נייעסטע נאַכריכטען" שרייבען: די „באַזלער נאַציאָנאַלצייטונג" פֿערציכענט א וואַנדערליכע שמועה, לויט וועלכער היגעשטעלטע דייטשע און ענגלישע פּירסאָנען זענען אַנגעקומען קיין ציריך, כדי צו שמועסען וועגען דער פֿריעדענספֿראַגע. אין פּאַריז שמועסט מען, אַז קעניג אַלפֿאָנס פֿון שפּאַניען איז אַנגעקומען אין דער פֿראַנצויזישער הויפּטשטאָדט, כדי דאָרט צו אַרבייטען פֿאַרן פֿריעדען. מיר ברענגען די דאָזיגע שמועות, אָבער יעדער ווייס [illegible], אַז זיי האָבען קיין ממשות ניט. יעדען איז בעקאַנט, אַז אין ניטראַלען אויסלאַנד זענען פֿיעל ערנסטע מענשען בעשעפֿטיגט מיט דער פֿריעדענספֿראַגע. ס׳איז אָבער אויך בעקאַנט, אַז די אַלע בעמיהונגען זענען געבליבען ערפֿאָלגלאָז. דייטשע און ענגלישע פּירסאָנען זענען ניט אימשטאַנד דעם פֿריעדען הערבייצופֿיהרען. ס׳איז אויך אונוואַהרשיינליך, אַז קעניג אַלפֿאָנס זאָל זיין אין פּאַריז כדי צו ווירקען פֿאַרן פֿריעדען. דאָס קען ער פֿיעל בעסער מאַכען אין מאַדריד פּונקט ווי דער פּאַבסט מאַכט עס אין רוים.

פֿעראייניגונג צו שאַפֿען א פֿעלקערבונד.

בערלין 5 יולי.

דאָס „בערלינער טאַגבלאַט" מעלדעט פֿון ראָטערדאַם: פֿון לאָנדאָן ווערד געמעלדעט: „דיילי ניוס" שרייבט: מאַקס קערר, מיטגליעד פֿונ׳ם פּאַרלאַמענט, מעלדעט אַז אין אַמעריקא און אין ענגלאַנד איז די לעצטע טעג געגרינדעט געוואָרען א פֿעראייניגונג צו שאַפֿען א פֿעלקערבונד און מען קען מיט דעם דאָזיגען [illegible] פֿערקניפּפֿען ווייטגעהענדע ערוואַרטונגען.

אַלבערט טהאָמאַ איז פּרעזידענט פֿון דער פֿעראייניגונג. צווישען די גרינדער געפֿינען זיך וועלס, באַנדער, טהאָמאַ און פֿיעל אַנדערע אָנגעזעהענע פּאַרלאַמענטאַריער.

פּאַרשע שמועות וועגען רוסלאַנד.

בערלין 5 יולי.

דאָס אוקראַאינישע פּרעס־ביוראָ אין לאָזאַן האָט געבראַכט דעם 1 יולי א מעלדונג פֿון קיעוו, אַז יאַפּאַנישע טרופּען אונטער גענעראַל קאַטאָ זענען געקומען קיין וולאַדיוואָסטאָק צו אונטערשטיצען די טשעכאָ־סלאָוואַקען ווי אויך אַז גרויספֿירסט מיכאיל אַלעקסאַנדראָוויטש איז ערקלערט געוואָרען אַלס צאַר און מאַרשירט געגען מאָסקווע.

ווי דאָס וואָלפֿישע ביוראָ הערט פֿון צושטענדיגער זייט איז די דאָזיגע מעלדונג פֿונ׳ם אָנהייב ביז צום סוף אינגאַנצען אויסגעטראַכט.

מיליוקאָוו אין קיעוו.

לייפּציג 5 יולי.

„לייפּציגער נייעסטע נאַכריכטען" מעלדען פֿון קיעוו: זייט עטליכע טאָג געפֿינט זיך אין קיעוו אין שטרענגסטען אינקאָגניטאָ דער בעקאַנטער קאַדעטען־פֿיהרער, געוועזענער מיניסטער מיליוקאָוו. דער מיטאַרבייטער פֿון „לייפּציגער נייעסטע נאַכריכטען" איז געלונגען צו האָבען מיט איהם א אונטערהאַלטונג, ביי וועלכער מיליוקאָוו האָט ערקלערט: ער גלייבט נאָך ווי פֿריהער אַז די קאַדעטען וועלען רעטען רוסלאַנד. די קאַדעטען וועלען ווייטער אַנדייבען די אַגיטאַציע פֿאַר דער פֿעראייניגונג פֿון קליין־רוסלאַנד מיט גרויס־רוסלאַנד. פֿון דער מעלדונג פֿון א ענגליש־אַמעריקאַנישער הסכמה מכח א איינמישונג אין יאַפּאַן קען מען הערען, אַז צווישען רוסלאַנד און דער אַנטאַנט עקזיסטירט א גוטע פֿערבינדונג.

ריימונג פֿון פּאַריז.

גענף, 4 יולי.

דער „טאַן" בעשטעטיגט, אַז פּאַריז ווערד שוין עטליכע טעג גערוימט. דאָס בלאַט פֿערלאַנגט אָפֿענקייט אין יעדער הינזיכט און ערקלערט, אַז אויב פּאַריז ווערד ווירקליך געדראָהט מוז מען נעמען צוגע בעשטעלען כדי צו פֿערגרינגערן די מאַסען־פֿלוכט.

קערענסקי׳ס פּראָפּאַגאַנדאַ.

לייפּציג 5 יולי.

„לייפּציגער נייעסטע נאַכריכטען" מעלדען פֿון גענף: קערענסקי האָט בעזוכט א פֿערזאַמלונג פֿון דער פֿערוואַלטונגס־קאָמיסיע פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אין וועלכער זענען אויך געוועזען טאָמאַ, רענאָדעל און לאָנגע, און דאָרט אויספֿיהרליך דערצעהלט וועגען דער לאַגע אין רוסלאַנד. ער בעט ביי די פֿערבינדעטע פֿערטיידיגען פֿאַר דער רוסישער דעמאָקראַטיע און אַז זיי זאָלען איינגרייפֿען פֿאַר די רעגירונג פֿונ׳ם לאַנד.

סיביריש־אַמעריקאַנישעס בינדניס.

לייפּציג 5 יולי.

„לייפּציגער נייעסטע נאַכריכטען" מעלדען פֿון מאָסקווי. א אָפֿיציעלע בעקאַנטמאַכונג פֿון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג פֿון דער סיבירישער הויפּטשטאָדט טיילט מיט, אַז די סיבירישע רעפּובליק האָט אַבגעשלאָסען א בינדניס מיט די פֿעראייניגטע שטאַאַטען, אין דער זעלבער צייט ווערד פֿערעפֿענטליכט די ערקלעהרונג, אַז דאָס בינדניס פֿון דער סיבירישער רעפּובליק מיט דער מאָסקווער סאָוויעט־רעגירונג איז אויפֿגעלעזט.

אַמעריקאַנישע טרופּען.

וואַשינגטאָן, 4 יולי. רויטער.

לויט א מיטטיילונג פֿון ים קריעגס־סעקרעטער באַקער, וועלכע ער האָט געמאַכט אין רעפּרעזענטאַנטען־הויז האָט אַמעריקא ביז איצט געשטעלט אונטער די פֿאָהנען 100,400 אָפֿיציערע און 2,000,000 סאָלדאַטען.

איטאַליענישע מיניסטער אין פּאַריז.

בערלין, 5 יולי.

דער איטאַליענישער מיניסטער־פּרעזידענט אָרלאַנדאָ און דער איטאַליענישער אייסערן־מיניסטער סאָנינאָ זענען אַנגעקומען קיין מאַרסעיל, כדי צונעהמען אַנטייל אין דעם קריעגס־ראַט, וואָס ווערט פֿאָרקומען אין פּאַריז.

פֿראַנקרייך׳ס ניעדערלאַגע.

בודאַפּעסט 5 יולי.

„אַז הירעק" מעלדעט: לויט א בערנער טעלעגראַם האָט זיך אין פֿראַנקרייך אַנגעהויבען א גרויסער פּראָצעס געגען די בעקאַנטעסטע גענעראַלען פֿאַר דער ניעדערלאַגע ביי „שמען דע דאַם".

פֿיליאַלע פֿון דער ק. ק. פּריווילעגירטער
לעבענס - פֿערזיכערונגס - געזעלשאַפֿט
„עסטרייכישער פֿעניקס"
אין וויען
פֿערזיכערונגס־בעשטאַנד: 680.000.000 קר.
אקציען־קאַפּיטאַל: 6.000.000 קר.
Telefon **Moses SCHWAGER** 14 4,68.
WIEN, IX. Maria Teresienstrasse Nr. II.

— צייכנעט קריעגס־אַנלייהע! —
זאָרגט פֿאַר אייך און אייערע ליבע!
פֿערזיכערט די קריעגסאַנלייהע!

אַזוי ווי די אַלגעמיינע וועהר־פֿליכט פֿאָדערט אַלע אונזערע ברידער אין פֿעלד אַריין אַזוי מוזען מיר נעמען אויף זיך א אַלגעמיינע צייכנונגס־פֿליכט און ווער עס קען נאָר זאָל דינען דעם פֿאַטערלאַנד דורך צייכנען פֿון דער קריעגס־אַנלייהע.

פֿערזוימט נישט! צייכענט! יעדער ווי פֿיעל ער קען! מיר נעהענען
צום פֿריעדען!

ווער עס וויל אָבער שפּאָרען פֿאַר זיין ווייב און קינד, פֿאַר דער צוקונפֿט זאָל די קריעגס־אַנלייהע פֿערזיכערן!

אויף אַזאַ אַרט צאָהלט ער די קריעגס־אַנלייהע אין 10 ביז 20 יאָהר. שטאַרבט ער פֿריהער — בעקומען באַלד זיינע יורשים די גאַנצע קריעגסאַנלייהע.

יעדער קען פֿערזיכערן: דאָס פֿאָלק אין דער היים,
די סאָלדאַטען אין פֿעלד!

וועלכע נוצען האָט איינער, ווען ער צייכענט און פֿערזיכערט די קריעגס־אַנלייהע?

1) מען צאָהלט קליינע ביטרעגע אָהן אונטערשיעד פֿון אַלטער.
2) די פֿערזיכערונג בלייבט אין קראַפֿט אַפֿילו אין פֿאַל פֿון טויט אין קריעג.
3) דער צייכנער בעקומט אַלע צינזען פֿון דער קריעגס־אַנלייהע.
4) די שפּאַר־איינלאַגען קענען קיינמאָל נישט פֿערפֿאַלען ווערען, אַפֿילו אין דער ערשטער רגע.

אויפֿגענומען ווערד יעדער אָהן ערצטליכער אונטערזוכונג ביי פֿערזיכערונג ביז 5000 קר. ביי העכערע בעטראַגען — ערצטליכע אונטערזוכונג און בעזונדערע בעדינגונגען.

פֿערטרעטער ווערען אומעטום געזוכט און אַנגענומען אויף גוטע בעדינגונגען.

אויסקונפֿטען איבער אַלערליי מינים פֿערזיכערונג גיבט:
Leiter MOSES SCHWAGER.

מיט טרויער טיילען מיר מיט, אַז אונזער ליעבע מוטער, שוויגער און באָבע

שרה לעווין ע״ה

אשת המנוח כ״מהורר יעקב לעווין ש״ב סאַדעגורא

איז דאָנערשטאָג דעם 4 יולי אין עלטער פֿון [illegible] יאָהר געשטאָרבען.

די לויה וועט זיין זונטאָג 9 א זייגער אין דער פֿריה פֿונ׳ם ראָטשילד־שפּיטאָל. די אבלים.

און דאָס עסטרייכישע יודענטום?

פון מאיר הענ״ש.

עס ליגט אין דער טבע פון גרויסע אומגליקען און ערשיטערונגען, אז זיי גיט בנוגע צו׳ן א יחיד ווי צו׳ן א כלל, אז ווי פיהרען אפטער צו א פולשטענדיגער געטומלונג און שפעטער איז צו ואוש׳דיגער אפאטיע אדער זיי וועקען אין דעם בעטראפענעם נאך איין פערבארגענע כחות, וואס ניט נור זיי העלפען איהם איבערטראגען דאס אומגליק נור זיי זענען איהם נאך מעהר צו גרויסע מעשים און אנשפאנונגען.

מען דארף ניט א סך מאריך זיין, כדי צו בעווייזען, אז די וועלט-מלחמה האט געבראכט פאר דעם שוין גענוג גע-שטראפטען יודישען פאלק א גרויס אומגליק. אין צאהל מוראדיג פערקלענערט, ווירטשאפטליך חרוב ונחרב, מאראליש געזונקען, דער יודענהאס אומעטום געוואַקסען, דער גרעסטער יודישער צענטער אין קליינע קבוצים געשפאלטען און קינסטליך צעשייט — אט דאס איז בקיצור דער סך-הכל פון דער מלחמה בנוגע צו די יודען. ביי אזא געוואלטיגער ערשיטערונג איז עס קיין חידוש ניט, וואס אין דער ערשטער קריגס-צייט האט זיך יעדען געשראקען דאס הארץ און יעדען האט ערדרוקט א נישט-אויסגעשפראכענע פרא-גע: הכלה אתה עושה לשארית ישראל? צום גליק איז דאס געווען א אומזיסטיגער פחד. אויבן סמך פון די סימפטאמען און פאקטען, וואס מיר בעמערקען אינם יודענטום זייט תחלת מלחמה ביז היינט, קאן מען זאגען, אז די איצטיגע וועלט-ערשיטערונג וועט דאס יודישע פאלק נישט נור נישט ברענגען צו יאוש, נור זי וועט אין איהם נאך האבען אויפגעוועקט בע-האלטענע און היינט לאנג פערהאלטענע ענערגיען, וואס וועלען זיך ווייזען אין דער געשטאלט פון גרויסע מעשים, פון איבערמענשליכע אנשטרענגונגען, לטובה פון דעם נאציאנאלען בעפרייאונגס ווערק.

די סימנים פון דעם אויפגעוואכטען כלל יודישען געוויסען קענען מיר בעמער-קען כמעט בכל תפוצות ישראל, ווען אויך איבעראל אין אן אנדערער פארם. ביים אמעריקאנישען יודענטום, למשל, דרוקט זיך דאס אויס דער עיקר אין דער אלטער יודישער מדה פון צדקה, נישט זאל זיך עמיץ וואגען, די ריזיגע מעשים פון אונ-זערע אמעריקאנישע ברידער מיט דעם בילינען און באנאלען ווארט „פילאנטראפיע" צו פערשוועכען. ווען א קיבוץ פון דריי מיליאן יודען ברענגט אין איין יאהר צוזאמ פאר די מלחמה-געליטענע יודען צעהן מיליאן דאלאר, ווען יודישע ארבייטער שענקען צו דעם צוועק דעם לוין פון איין ארבייטס-טאג אין א סכום פון איין און א פערטעל מיליאן דאלאר, ווען א ציוניסטישע קאנפערענץ איז זיך מתחייב צו זאמלען אין משך פון צוויי יאהרען א מיליאן דאלאר פאר פא-לעסטינא-ווידעראויפבוי-פאנד — אזוי איז דאס נישט קיין בלויזע פילאנטראפיע: דאס איז דאס אויפגעוואכטע יודישע געוויסען און אחריות-געפיהל. דאס ענגלישע יודענטום אין צאהל נישט זעהר גרויס, האט אויך געשלאסען אחדות און האט איי-בערנומען אין די אנטאנט-לענדער די פיהרונג בנוגע צום שיץ פון די יודיש-פא-ליטישע אינטערעסען. א מקצת שבמקצת, פון דעם, וואס עס גערט פאר איצינד, אינם רוסלענדישען יודענטום, האבען אונז מגלה געווען די שילדערונגען אין די לעצטע נומערן „הצפירה" און דאס אין דער „ווינער מארגענצייטונג" איבערגעגעבענע געשפרעך מיט אוסישקין. דאס פראגרעסי-ווענע רוסישע יודענטום האט זיך געהאלטען מיט א ברען נישט, ווי די אמאליגע עמאנ-ציפירטע יודען אין מערב, אויף דעם גענעס פון די ביטערליכע רעכט, נור אויף דער נאציאנאלער ארבייט איז אלעס געבויט. אין פאלעסטינא שטעהט דאס אינ-טערעסע פאר ארץ ישראל, און עס גרינדען זיך נאכאנאנד גרויסע אקציען-געזעלשאפטען צו-ליעב דער פראקטישער פאלעסטינא-אר-בייט און עס שטעלען זיך פאר דעם צוועק מיליאנען אויף מיליאנען. דארט האבען אפילו די גרעסטע יאגענדזעען גאנץ ענערגיש השגחה. דער פריהערער וואַרשעווער רע-דאקטאר שפיגעל, למשל, וועלכער איז אצט אין רוסלאנד א גביר געווארען, שפענדעט פינף מיליאן רובעל פאר דער העברעאישער ליטעראטור אין פרעסע.

אויך דאס דייטשע יודענטום ווייזט אויס, אז עס איז איצט, סימנים פון דער-וועקען כלל יודען געוויסען, וועלכעס הייסט די דייטשע יודען, ניט צו בלייבען אין דער גרויסער צייט מדיין למטה. א יעדענפאלס, ווען אפילו נישט גאנץ צופרידענשטעלענדיגער פאקט איז דאס פעראייניגען זיך פון אלע יודישע גרופען און ריכטונגען אין דער V. J. O. J. איך די גרינדונג פונם „פרא פאלעסטינא-קאמיטע" פערדיענען אין דעם צוזאמענהאנג ערמאהנט צו ווערען.

א טרויעריגן אויסנאהם אין דעם פונקט בילדעט, צו אונזער שאנד, דאס עסטר-רייכישע יודענטום. א וועהטאג האפט אן דאס הארץ, צוקוקענדיג זיך צום מצב פון די קאנצע אנדערהאלבען מיליאן עסטרייכישע יודען, נאך דער שטאר-ערשיטערונג, וואס ס׳האט היינטמאכט דוקא דער דאזיגער יודישער פאלקס-טייל, אין נאך פיער מיראדיגע מלחמה-יאהרען, צי קענען מיר אויך דא רעדען פון ער-וואכטען כלל-יודישען געוויסען? קענען מיר האבען אויך אין געביט אנווייזען אויף א טאט, אויף איין ארויסטריט, דורך וואס דאס עסטרייכישע יודענטום זאל קענען דאקומענ-טירען, אז עס הערט און פערשטעהט דאס קול פון דער נייער צייט? ווי אזוי האבען די בעלי-יכולת צווישען די עסטרייכישע יודען געשטעלט אויף די פארדערונגען, וואס די דורך דער מלחמה געשאפענע לאגע האט זיי געשטעלט אויף פילאנטרא-פישען און סאציאלען געביטע? אמת, עס זענען פערטיגע געווארען הויכע מיליאנען פאר קריעגס-הילפס-צוועקען און אינזערע געלד-תקיפים האבען א קענען די מקבלים און לגבי הויך נישט קשהדיג געשפילט די ראלע פון בעלי טובות און א פיטרופס׳ס. אבער וויפיעל פון די דאזיגע מיליאנען זענען געקומען פון די איינגענע קעשענעס פון יענע בעלי-טובה׳ניקעס? זענען זיי דען מעהר ווי פערוואלטער און פערטיילער פון די אמעריקאנישע נדבות?

און וואס זענען די לייסטונגען אויפ׳ן ערציהערישען, אויפ׳ן קולטורעלען צי אויפ׳ן פאליטישען געביט? האבען זיך די הכנות פאר א יודישער קאנגרעס-בעוועגונג אין עסטרייך נישט אנגעשלאגען אין דעם הארטען ווידערשטאנד פון די אימפערבער-טערליכע קהלה׳ אין געלד-דעספאטען מיט זייער בגופיא? שטעלען זיי זיך נישט נאך איצטער אקעגען דעם צוזאמענשליסען זיך פון אלע יודען אין לאנד, נישט אכטענדיג דערויף אויף דער גרויסער סכנה, וואס שוועבט איבער דעם עסטרייכישען יודענטום מצד דער אזוי מעכטיג געוואקסענער אנטיסעמיטישער בעוועגונג? שטעקען זיי נישט נאך היינט אינ׳ם אלטען ליבעראליזם און זענען זיי נישט כמעט די איינציגע פערטיידיגער פון זיינע אבגעהיטעטע פרינציפיען, א קעגען די מאדערנע אנשויאונגען פון זעלבסט-בעשטימונגסרעכט און ענטוויקלונגס-פרייהייט פאר די נאציאנען און שוין פאר די נאציא-נאלע מעשים, דאריבער אויך פאר די יודען? הערשט נישט דא דערזעלבער פיזיד ידעות וואס פאר׳ן קריעג, דאסזעל-בע מחלוקת שלא לשם שמים, דיזעלבע אומפעראנטווארטליכקייט און זארגלאזיגקייט בנוגע צו כלל-יודישע אינטערעסען?

איך בין מיר בעוואוסט, אז איך טרעט דא ארויס מיט שווערע פארוואורפען א קעגען דעם יודישען קהל אין עסטרייך. די דאזיגע פארוואורפען שטעכען אויך מיר מיט, ווייל איך פיהל מיך מיטבע-שולדיגט, מחמת אין א געוויסען מאס זענען מיר אלע שולדיג אין דעם הינטען פון היינטיגען טאג. איך האלט עס אבער פאר א חוב פון דער בעוואוסטזיניגער יודישער פובליציסטיק און פרעסע פאררעדען דעם פאלק זיינע פעהלער, נישט קוקענדיג דערויף, וואס די וואהר ברענגט שמערצען, בשעת מיר הייסט זי אויף, דאס מיר געפעהן אזוי לאנג ס׳איז נאך נישט צושפעט, די פעהלער מתקן צו זיין.

ברידער אין עסטרייך! מיר האבען א היבשע צייט פערזאמט, אבער נאך איז נישט צושפעט. לאמיר זיך בעמיהען, לאמיר נישט זיין קיין אבזייטיגע פון דער נייער תקופה, נאר מיטוויסענדע, לאמיר העלפען זי מיטשאפען, מיטבויען דעם צוקונפטס-בנין, נישט מיט דבורים און מיט רעדען, נאר מיט מעשים, ווי אונזערע ברידער אין אנדערע מדינות, נישט מיט פראזות, נאר מיט מיליאנען, נישט כדי יוצא צו זיין און פטור-צווערדען, נאר מיט לעבען, מיט בעגייסטערונג און איבערצייגונג. געדענקט דעם מאמר התלמוד: מי שטרח בערב שבת, יאכל בשבת.

פון דער יודישער וועלט.

דער הערצל-יאָהרצייט אין קראקא.

דער הייאהריגער הערצל-יאהר-צייט, ווי ער איז דאס מאל געפייערט געווארען אין קראקוי, האט נאך צו זיך קיין גלייכען נישט געהאט. אהן ספק האט דערצו גירום געוועזען די בעזונדערע צייט, וואס דער ציוניזם בכלל לעבט היינט איבער. נאך קיינ-מאל האט די יודישע בעפעלקערונג אין קראקוי נישט ארויסגעוויזען אזא לעבהאפטען אינטערעס, ווי הייאהר, פאר די אלע יודישע נאציאנאלע ענינים. נאך קיינמאל האט מען דא אזויפיעל געלד נישט געשפענדעט פאר די פערשיעדענע ציוניסטישע אינסטיטוציעס ווי איצט.

זעהר אימפאזאנט האט אויסגע-זעהן בעזונדערס די זאמלונג פאר׳ן נאציאנאל-פאנד, וועלכע האט זיך אנגעהויבען זונטאג נאך גאנץ פריה. פאלקער פון דער יודישער יוגענד, יום-טובדיג געקליידעט, מיט די זאמ-מעל-פושקעס אין די הענד זענען ארומגעגאנגען אין אלע ווינקלעך, און אין אלע גאסען פון דעם גאנצען יודישען קווארטאל, פערקויפענדיג די שפעציעלע הערצל-בילדער און בע-זונדערע אבצייכענס.

ווי מיר הערען, האט מען היי-יאהר געזאמעלט אין דעם יאהרצייטס-טאג, נאך שענע סומע פאר׳ן נאציאנאל-פאנד. די צינגעשיקטע הערצל-בילדער און די שפעציעלע אבצייכענס זענען באלד א קורצע צייט נאכמיטאג שוין געוועזען אלע אויספערקויפט. נאך קיינמאל האט מען נישט געזעהן אין קראקוי ארויסגעקלעבט אויף די פענסטער אזוי פיעל הערצל-בילדער ווי היי יאהר.

אזייגער 12 איז פארגעקומען אין אזכרה אין טעמפעל פאר א זעהר גרויסען עולם, פון וועלכען פיעלע האבען שוין אויף דער גאס געמוזט בלייבען, נישט געפינענדיג איינוועניג מעהר קיין פלאץ פאר זיך.

די אזכרה האט זיך אנגעהויבען מיט א „אל מלא רחמים" פון דעם אבערקאנטאר ה׳ דיווינסקי מיט זיין כאר. די אנרעגענדע האט גע-האלטען ד״ר טהאָן, און וועלכער ער האט כאראקטעריזירט דעם גרויסען גייסט פון הערצל און די בעזונדערע גרויסע ירושה, וואס ער האט פאר זיין פאלק איבערגעלאזט, און וואס פאר א שפלן מצב הערצל האט דאס יודישע פאלק געטראפען, און וואס פאר א שטאלצען בעוואוסטזיין ער א׳ן פיל האָט אינ׳ם דאזיגען קנעכט-פאָלק דערנאך אויפגעוועקט. די אינהאלט-רייכע רעדע האט אויף אלע צוהערער א זעהר שטארקען איינדרוק געמאכט.

אין אווענד איז פארגעקומען ווידער א הערצל-פייער אינ׳ם „עזרא"-זאל, פעראנשטאלטעט פונ׳ם פעראיין „ציון". אלע בילעטען זענען אין א קורצער צייט אויספערקויפט געווארען און דער זאל איז געוועזען צו קליין, כדי אויפצונעהמען די גרויסע מאסען מענשען, וואס האבען זיך אין זאל בעדרענגט.

די פייער האט זיך געעפענט מיט א תפלה פונ׳ם ה׳ דיווינסקי מיט זיין כאר. פריילין שטיל האט זיך אויס-געצייכענט מיט איהר כל נדרי־קאָנ-צערט, פרוי נערסטעל-וועלנער מיט איהר שעהן דעקלאמירען, פריילין ברין מיט איהר פאלקס-ליעד׳ל „יזכור". דער ווייכטיגסטער פונקט איז אבער געוועזען די פעסט-רעדע פון ד״ר פעלדבלום וואס האט א שטארקען איינדרוק געמאכט.

הערצל-פייער פון דער יודישער יוגענד

די צענטראלשטעלע פון די יודישע יוגענדגרופען אין וויען פעראנשטאלטעט שבת דעם 6 יולי פונקטליך האלב אכט אבענדס אין ... יוגענדהיים II אבער-דאנויסטראסע 91 א הערצל-פייער. אין ... אנדאכט פון דער דאזיגער פער-אנשטאלטונג קומען ארין א פארטראג פון הערצל׳ס ציוניסטישע שריפטען, ... אדער ... אין דער יודישער ליט... פארטראג פון העברעאישע לידער. איינטריט פריי.

א גרויסער שקל־טאג.

וויען. פעראנשטאלטעט די סעקציע II זונטאג דעם 21 יולי, אין וועלכען טאג עס וועלען אבגעהאלטען ווערען עפנטליכע פערזאמלונגען. דאס ווייטערע וועט מען נאך צו וויסען טהון.

וועגען דער יודישער פאלקס-שולע.

אויפ׳ן אלאוקראאינישען יודישען דע-מאקראטישען לערער-צוזאמענפאהר, וואס איז ערשט נישט לאנג פארגעקומען אין קיעוו, זענען אנגענומען געווארען פאלגענדע רעזאלוציעס וועגען דער נארמאלער יודישער פאלקס-שולע:

1) אונזער שולע דארף נישט זיין קיין לעהרער-שולע מיט׳ן צוועק צו געבען בלויז וואס מעהר ידיעות: זי דארף זיך אויך נישט שטעלען קיין ענג אוטי-ליטאריסטישע אויפגאבען און זיין צו שפאלטען אין יודישע און אלגעמיינע למודים, ווי דאס איז געווען ביזהער, נאר וועלטליכע הומאניטארע.

2) די ערציהונג דארף טראגען א סא-ציאלען כאראקטער, הן בנוגע צום ציעל און הן בנוגע צו די מיטלען.

3) די שולע דארף זיין אתאנאמיש פער-בונדען מיט דער נאציאנאלער סביבה פונ׳ם קינד. קיין ספעציעלע נאציאנאליזירונגס-צוועקען דארף זיך די שולע נישט שטעלען.

4) די שפראך פון דער יודישער פאלקס-שולע דארף אין אלע למודים אין אלע מדרגות און אין אלע לערן-יאהרען זיין יודיש.

5) די ארטיגע נישט יודישע געבידיך-שפראך דארף געלערנט ווערען אין דער פאלקס-שולע אין אזא מאס, אויף וויפיעל עס איז נויטיג צום אלטעגליכען פערקעהר מיט דער נישט-יודישער בעפעלקערונג.

6) העברעאיש דארף געלערנט ווערען אין דער פאלקס-שולע אנהייבענדיג פון דער דריטער אבטיילונג שולע.

7) קאנפעסיאנעלע ערציהונג דארף אין דער שולע קיין ארט נישט פער-נעהמען.

בעמערקונג: די ... די געזעצן שאפען אין א רעליגיעזער פארם האלטען אין אין א טעלי... צייט ... אין ערציהונגס-הערגאנג און אז דער מאטערנער גייסט, מי-גען גענוג בעשטאנד און בעהאלטען ווערען די פראגען, ווי אזוי אין אזוי ווייטער וואס עס דארף א ... ווערען אונזער עבר דער עלטערער קולטור-פערגענגען אויף פער-שיעדענע מדרגות לויט ביידונגס סיסטעם.

אויפ׳ן דאזיגען צוזאמענפאהר זענען געווען 60 דעלעגאטען. געווען 60 מיט שטים רעכט און ... מיט בעראטענדע שטים. די דעלעגאטען זענען געוועהלט פון 11 שטעדט און שטעטלעך פאר 616 לעה-רער. דער פארטייאישער בעשטאנד פון די דעלעגאטען איז געווען פאלגענדער: בונד 14 דעלעגאטען, פאראייניגטע — 20, „פועלי ציון" — 11, פאלקס-פארטיי — 2, דעמאקראטישע ציוניסטען — 1, אונ-פארטייאישע — 12. די דעלעגאטען זענען געווען פון 6 אוקראאינישע גובערניעס.

רויט, אדער שווארץ?

אין דער „ארבייטער-צייטונג" נומער 179 איז פערהאנגען א נאטיץ, בעטיטעלט „דער לייטישער יוד אין זיין היפך". די מעשיות פאר זיך זענען נישט ניי, מען קען זיי געפונען אין יעדען אנטיסעמיטישען העץ-בלעטעל און מיר ווילען נישט בעמיהען מיט זיי דעם לעזער. אינטערעסאנט איז די פארם, אין וועלכער זיי זענען געשריבען: זיי זענען איבערגעווארפען מיט סטיליסטישע פערעל ווי א שטייגער: „א יוד וועלכער האט אלס פליכטלינג זייט צוויי יאהר פיעל גע-האמסטערט און געשאכערט מוז איצט פילאזען זיין געליעבט לאנד אבער-עסטרייך, און וויעלכען ער האט גע-קענט אויף שטאאטס-קאסטען גוט לעבען און פאהרט צוריק אהיים קיין גאליציען".

ס׳איז געוויס נישט כדאי צו פא-לעמיזירען וועגען דעם ווי איבערפער-שעמט עס איז צו בעהויפטען פונ׳ם פליכטלינג, אז ער האט געפיהרט א גליקליך לעבען און אויב מיר האבען זיך דערויף אבגעשטעלט איז עס נור כדי אויסצודריקען אונזער פרייד אויף דעם נצחון פונ׳ם אמת. דען ווען די „ארבייטער-צייטונג" נעהמט זיך שוין יא צו דעם דאזיגען טאן איז עס א סימן, אז זי איז נישט מעהר אומשטאנד זיך צו פערשטעלען און צו רויטלען איהר פון דער נאטור שווארצע צורה. קיין גרוים נייעס איז עס אבער נישט, דען תמיד האט פון דעם געמאכטען רויטקייט, איהר שווארצקייט ארויסגעקוקט. און אזוי קעהרט זי זיך נאר אום אין איהר עלעמענט.

אלגעמיינע ידיעות.

דער נייער סולטאן.

וויען, 4 יולי.

איבער דער פערזענליכקייט פון פרינץ וואהיד עד דין, וואס בעשטייגט איצט דעם טירקישען סולטאנ-טראן, ווערד פאל-גענדעס געמעלדעט:

דער נייער סולטאן איז א מאן פון יעדער נייער בילדונג, און איז מאדערן פילען זין פינם וואס. די יעפאר-טאטארישע, יונג-טירקישע בעוועגונג, האט אין איהם תמיד געהאט און איבערצייגטען טרייען אנהענגער און דער אויסערער פא-ליטיק איז בעקאנט, אז דער נייער סולטאן איז א גרויסער אנהענגער פון די מיטעל-מלוכות, האט ער דאך שטודירט אין וויען אין בערלין און איז אנגעזאפט מיט דער קולטור פון די מיטעל-מלוכות. פרינץ וואהיד עד דין, האט זיין זוהן געלאזט אין וויען ערציהען.

די פיאווא-שלאכט.

אין א בעריכט פונ׳ם קריעגס-געביעט פון 25 יוני דאטירט, שרייבט דער בעקאנטער איטאליענישער שריפטשטעלער און קריעגסקארעס-פאנדענט לואי בארציני:

דער ריקצוג פון דער עסטרייך-אונ-גארישע ארמעע שטעלט זיך ארויס אלס א מוטיגע טאט, וואס בעווייזט, אז ס׳איז פערהאנגען ביי איהר דער בטחון ווייטער אויפצונעהמען די אפענזיווע. ביי אלע אונזערע קאמפף האנדלונגען, האבען מיר תמיד געקאנט פעסט-שטעלען, אז ביים פיינד הערשען נארמאלע פערהעלטניסע. דער ווי-דערשטאנד איז אומעטום געווען ראש און ענערגיש. דאס מוז ביי דער אלגעמיינער לאגע בעריקזיכטיגט ווע-רען. עס וואלט געווען זעהר אונפאר-זיכטיג איינצורעדען דער וועלט, אז דער ריקצוג איבער דער פיאווא איז א סימן פון צערפאל, אויפלעזונג אדער אין אנהויב פון קומענדיגער פערווי-רונג. דער מיליטערישער ארגאניזם פון פיינד, איז א רוהיגע מאשין, וואס טראגט אלע שוועריגקייטען און דאס האבען אויך די לעצטע קעמפפע פונ׳ם פיינד בעוויזען. ער האט נאך גענוג קארטען אין זיין שפיעל און די פארטיע האט נישט דערגרייכט דעם סוף.

יובעל אין אמעריקא.

די „סטעפאני-אגענטור" מעלדעט מיט דעם יובעל וואס הערשט אין אמעריקא איבער דעם איינגאנג פון דער פיאווע-שלאכט: די „ניי-יארק וואָרלד" בע-טראכט די איטאליענישע אפענזיווע פאר דעם גרעסטען טריומף פונ׳ם גאנצען קריעג זייט דער מארנע-שלאכט אין דערט דאריבער, ווי פון דער בעפרייאונג פון ירושלים. די „ניי-יארק טיימס" האלט די פיאווע-שלאכט פאר גרעסער ווי די מאר-נע-שלאכט. דער „ניי-יארק אמעריקאן" זאל האבען געזאגט: ביי דער פיאווע איז די מענשהייט בעפרייט געווארען פון דער טיראני. איטאליען איז בעריפען צו געבען די צענטראל-מלוכות דעם טויטעסשטויס.

א נייער קריעגסראט פון דער אנטאנט.

מאילאנד 3 יולי. (טעל. קאמפ.)

די „טריבונא" מעלדעט: בקרוב וועט אין ווערזאיל צוזאמענקומען א נייער קריעגסראט פון די אלירטע מלוכות.

דער בעפאלמעכטיגטער גענעראל אין דער אוקראאינע.

וויען 4 יולי.

גענעראלמאיאר גראף לעליא שפאנאכי, איז ערנאנט געווארען אלס בעפאלמעכטיגטער עסטרייך-אונ-גארישע גענעראל אין דער אוקראא-ינע, מיט דעם זיץ אין קיעוו.

פאן קיהלמאנ׳ס עהרענבעליידיגונגס-קלאגע.

בערלין, 4 יולי.

4 דא האט זיך אנגעהויבען דער פראצעס וואס הר. פ. קיהלמאן האט פער-פיהרט געגען דעם רעדאקטאר פון דער „דייטשער צייטונג" הר. מאקס לאיאן און דעם רעדאקטאר פון די „אלדייטשע בלעטער" הר. יוליוס הומען. ער בעשולדיגט זיי אין עהרענבעליידיגונג פאר דעם פער-עפענטליכען נאכן בעקאנטער פרייען געוויסע מעשיות וועגען זיין כלומרשטע „אונדיטליכקייט".

די עפענטליכקייט איז פונ׳ם פראצעס אויסגעשלאסען.

רוסלאנד געגען דער אנטאנט.

שטאקהאלם, 4 יולי.

לויט א מעלדונג פון דער פעט. טעל. אגענטור שרייבט די „איזוועסטיא": אלס דאס די אלירטע אונטערנעהמען, האט נור דעם צוועק ארייננצוציהען רוסלאנד אין א נייעם קריעג, אהן דער הסכמה פון דער זאוויעטישער רעגירונג און געגען דעם וויל-לען פון דער בעפעלקערונג. די שעפפער פון דעם רעיון מעגען זיך געדענקען און זכרון אז זיי וועלען אנשטויסען אויף א פער-צווייפעלטען ווידערשטאנד מצד דעם רע-וואלוציאנערען רוסלאנד. אין דעם פאל וועט זיך גאנץ רוסלאנד אויפהייבען גע-גען די אלירטע.

די אלירטע וויסען עס גוט. באם עס זאל זיי אפילו געלונגען אין רוסלאנד וועל-כע אנהענגער צו בעקומען, וואס זענען גע-גען די סאוויעטס, וועלען זיי נאר ארויסרי-פען אין רוסלאנד דעם אויסבראך פון א ביר-גער-קריעג, וואס וועט ערשיטערן דאס גאנצע רוסלאנד. די סאוויעטס בעשיטצען וועלען די אלירטע דערצו פיהרען, אז דייטשלאנד וועט זיך זעהן געצוואונגען אין מהות איינצומישען.

ווען די אלירטע וועלען דאך פרובירען ארויסצוארבייטען די סאוויעטס, וועלען זיי בע-געהען א פערברעכערישע טאט, וואס וועט זיך אן זיי אליין נוקם זיין.

פאריז, 3 יולי. (טעל. קאמפ.)

דער „טאן" ווערד פון פעטערסבורג טעלעגראפירט: אין קרייזען, וואס שטע-הען נאהענט דעם דייטשען באטשאפטער באראן מירבאך, שמועסט זיך, אז די סאָ-וויעט-רעגירונג וועט אנרופען דייטש-לאנד זאל איהר קומען צו הילף באם דער פיהרפערבאנד וועט אונטערנעהמען א גע-וואלטיגע אינטערווענציע אין רוסלאנד.

די אגראר-פראגע אין אוקראאינע געאָרדנעט.

וויען, 4 יולי.

לויט א מעלדונג פון קיעוו האט די אוקראאינישע רעגירונג זיך פאר-בעהאלטען דאס רעכט אין עתיד די אגראר-פראגע צו רעגעלן.

ביי דער איצטיגער לאגע אין דער אוקראאינע איז באין אופן נישט מעגליך געווען די גאנצע אגראר-רעפארם דורכצופיהרען. בכדי אבער לעת עתה דיזע פראגע צו רעגעלן האט פעלדמארשאל אייכהארן פאר דעם יאהר פעראָרדנעט, אז די ערנטע פון דעם יאהר האט צום גרעסטען טייל צו די צו געהערען, וואס האבען זי אנגעבויעט, דאס הייסט צו די פויערן, בכדי אז זיי זאלען זייערע תבואות אבשניידען און ווייטער אנ-בויען און נישט חרוב מאכען דעם באדען, אין דעם געדאנק מאמער וועט מען ביי זיי שפעטער די פעלדער אוועקנעהמען.

די ענגלישע ארבייטער פאר א פריעדענס-פראגראם.

גענף 4 יולי.

„דעילי ניוס" מעלדעט: די אר-בייטער-פארטיי האט אויסגעפאָרדערט די געווערקשאפטען אונטערצונעהמען א געמיינזאמע אקציאן צו פאָרדערן פון דער רעגירונג, אז זי זאל אויפ-שטעלען א פריעדענס פראגראם. א קליינע מינדערהייט פון דער ארבייטער פארטיי וואס איז דאגעגען אויסגע-טרעטען, איז פון א גרויסער מעהר-הייט בעזיעגט געווארען.

וועקערלע פאר׳ן פרויען-וואהלרעכט אין אונגארן.

בודאפעסט 4 יולי.

מיניסטער-פרעזידענט ד״ר וועקערלע האט היינט עמפפאנגען אין פארלאמענט א פרויען-דעפוטאציע, וואס האט געבעטען, אז עס זאל פאר די פרויען געגעבען ווער-דען דאס וואהלרעכט. די פרויען-דעפוטאציע איז געווען פערטרעטען פון אלע בערופען און שיכטען פון פאלק.

ד״ר וועקערלע האט דער דעפוטאציע מבטיח געווען אלעס צו טהון, כדי צו פערהעלפען די אונגארישע פרויען צום וואהלרעכט. א בעשטימט פערשפרעכען — זאגט ד״ר וועקערלע — קען איך היינט נישט מאכען, ווארין דאס העננט נישט אב פון מיר אליין, אבער איך קען זאגען, אז איך וועל מיט אלע כחות קעמפפען, אז דער דאזיגער רעיון זאל פערווירקליכט ווערען.

דער לופט-פערקעהר בודאפעסט-וויען.

וויען 4 יולי.

נעכטען איז אהער אנגעקומען דאס ערשטע פאסט-לופטשיף פון בודאפעסט.

דאס האט, נישט קוקענדיג אויף דעם שלעכטען וועטער, געדויערט צוויי שעה. דער לופט-פערקעהר וויען-בודאפעסט וועט איצט זיין א רעגעלמעסיגער און אין ארויסגעשיק-טער בריעף מיט לופטפאסט וועט נאך אין דעמזעלבען טאג קענען בע-קומען א תשובה.

מען ערווארטעט אז ביי א רעגעל-מעסיגען פערקעהר וועט דער וועג דויערן קוים אנדערהאלבען שטונדען.

בוקאווינער יודען-טאג.

מיר געבען דא נאך א קורצען בעריכט וועגען דעם בוקאווינער יודען-טאג. א אויס-פיהרליכען בעריכט וועלען מיר געבען אין אונזער נעקסטער נומער. די פערשפעטי-גונג קומט דערפון ווייל דער בעריכט איז צו שפעט אנגעקומען אין רעדאקציע.

די רעדאקציע.

אינ׳ם בוקאווינער יודען-טאג, וועלכער איז פארגעקומען דעם 30 יוני האבען זיך בעטייליגט די יודישע אבגעארדנעטע, קהל-לייט און קאמער-רעטע, ווי אויך דעלע-גירטע פון פערשיעדענע יודישע געזעל-שאפטען.

נאך א ריי יחסנים וועלכען אבג. דר. שטרייכער האט, אלס פרעזידענט פון דעם יודישען נאציאנאל-פעראיין אבגעגעבען דער קאנפערענץ, און אין וועלכען ער האט בע-שריבען די טעטיגקייט פונ׳ם פעראיין פאר די פליכטלינגע איז פארגעקומען א בעראטונג, אין וועלכער האבען טייל-גענומען קולטוס-ראט דר. קאסנער, אבג. לאנ-דעס-אויסשוס דר. ווענדער און אנדערע.

די קאנפערענץ האט ארויסגעטראגען א רעזאלוציע מיט א דאנק דער בוקאווי-נער יודישער לאנדעספארטיי פאר איהר טעטיגקייט און מיט גרויסע בעשלוסע בנוגע דער ווייטערער ארבייט פאר דעם בוקאווינער יודענטום.

פרויען-גרופע סעקציע II.

פאָדערט אלע מיטגליעדער מיטצוטיילען, אז יעדען דיענסטאג קומט פאר א אויס-שוס-זיצונג אינ׳ם פעראיינס-לאקאל פראטער-שטראסע 17.

אלע מיטגליעדער ווערען העפל. איינ-געלאדען.

די אפראוויזאציע.

(פון סאכמענישער זייט).

מילך.

שיידעמאן האט אנגעוויזען אז די דייטשע סאציאלדעמאקראטישע פארטיי האט געמאכט ביזע פראבעס צו פערשטענדיגען זיך מיט די סאציאליסטישע פארטייען פון די פערבינדעטע מלוכות. אלע פראבעס האבען זיך אבער אויסגעוויזען מיט גאר ניט. די קריגס-ציעלען פון די סאציאליסטען פון די פערבינדעטע מלוכות שטימען פילשטענדיג מיט די אנעקסיאניסטישע ציעלען פון זייערע רעגירונגען. ווען אין מזרח, האט געזאגט שיידעמאן, איז מען געקומען צו א שלום וואס איז אונז ניט צום הארצען, פאלט די שולד דערפאר איבערהויפט אויף דער האלטונג פון די סאציאליסטען פון די פערבינדעטע מלוכות, אויפן חשבון פון די באלשעוויקעס. מיר שטעהען נאך איצט היינט פאר דער פרידענס רעזאלוציע פון רייכסטאג פון 19-טען יולי 1917.

וועגען דער פראגע [illegible] רעזאלוציע.

דער פארטיי [illegible] פון רייכסטאג [illegible] אין דער צוזאמען [illegible]

ביט אן אלגעמיינעם פערשטענדיגונגס-שלום אויפן גרונד פון דער רעזאלוציע פון רייכסטאג פון יולי 1917.

אויף דער זעלבער זיצונג איז אויך בעטראכט געווארען די פראגע וועגען דעם פרייסישען וואהל-רעכט געזעצפראיעקט. די רעזאלוציע וואס איז וועגען דעם אנגענומען געווארען, קריטיקירט שארף דעם געזעץ-פראיעקט, ווייל ער ווידערשפריכט דירעקט אויס די הבטחות פון דער רעגירונג וועגען דעם גלייכען וואהל-רעכט, וואס אין איהם זענען איינגעפיהרט פערשיידענע בעשרענקונגען און בעגרענצונגען. חוץ דעם ווערט די רעגירונג שארף געטאדעלט פאר איהר וואקלענדער און נאכגיבערישער האלטונג בנוגע צו די פיינד פון גלייכען וואהל-רעכט, וואס ווילען דעם געזעץ-פראיעקט בעגראבען. [illegible] די רעגירונג [illegible] אין פאל אויב דער פראיעקט וועט דורכפאלען, אומבאדינגט פאנאנדערצוטרייבען דעם רייכסטאג. דערביי ווערט די רעגירונג געווארענט אז [illegible] פרייסישע און דייטשע ארבייטער [illegible] ארבייטער וועלען [illegible] קאמף פאר [illegible] ביז צו א פולשטענדיגען נצחון.

[illegible] אבערגעגעבענע [illegible] א [illegible] פעדערונג.

אבמאך און צוגעגעבען די גרונדזאצען [illegible] פערזאמלונג. דערהויפט זענען אויסגעוועהלט 60 מיטגליעדער פון דער 1 סענאטס-קאלעגיע (אייבערשטע פאלאטע), אויסער איינגע אונאבהענגיגע פון [illegible] און [illegible] פארטיי, האבען קאנדידאטען בלויז אנהענגער פון דער רעגירונג.

אין די נאהענטסטע טעג וועלען פארקומען די וואהלען צו דער צווייטער סענאטס-קאלעגיע און צו די דריטע קאמער-קאלעגיעס (אונטערשטע פאלאטע) וועלכע וועלען געוויס געבען דאס זעלבע בילד. ט. יאנעסקו און בראטיאנו האבען זיך געפרואווט אראבדרינגען די וואהלען, רופענדיג זיך אבהאלטען פון שטימען, נאר דאס האט זיך ניט איינגעגעבען [illegible]

אין פראנצויזישען פארלאמענט.

[illegible]

אין סעוואסטאפאל.

[illegible]

די אדעסער שיפארץ מאהניקעס.

[illegible]

רדיפות אויף דער פרעסע.

[illegible]

„פארווערטס" אונטער א חשד.

פון אונזער קארעספאנדענט.

[illegible]

אויף ד״ר רוסיש-דייטשער גרעניץ.

[illegible]

וועגען די נאציאנאלע מיניסטעריומס.

[illegible]

דער אלאוקראינישער צוזאמענפאר

פון „בונד" אבגעלעגט.

אזוי ווי צום 12-טען יוני איז פערבליבען בלויז א וואך צייט און אזוי ווי פון די בריעף, וואס קומען אן פון די ארטיגע ארגאניזאציעס, איז קלאר, אז זיי זיינען אינגאנצען ניט צוגעגרייט צום צוזאמענפאר פון „בונד" האט דער צענטראל-קאמיטעט בעשלאסען דאס

דער צוזאמענפאר וועט דעם 12 יוני ניט פארקומען.

עס מוזען זיך גלייך אנהייבען ענערגישע פארבערייטונגען צום צוזאמענפאר סיי אין די ארגאניזאציעס סיי אין דער פרעסע כדי דער צוזאמענפאר זאל בעשטימט ווערן צום 1 יולי.

דעם 9-טען יולי וועט פארקומען דער פארטייראט

וועלכער וועט ענדגילטיג בעשליסען דעם טערמין פון צוזאמענפאר.

די טאגעסארדנונג פון פארטייראט:

[illegible]

די מיטגלידער פון פארטייראט מוזען אומבאדינגט זיין אין קיעוו דעם 9 יולי. עס איז וויכטיג, אז אלע ארגאניזאציעס זאלען צום פארטייראט צושיקען זייערע בעשלוסען וועגען אלע פראגען פון טאג-ארדנונג.

[illegible]

„בונד".

ארעסטען

[illegible]

אגראר איגריציען.

[illegible]

פון ארבייטער לעבען.

[illegible] שאפט אב די קאלעקטיווע אבמאכען.

[illegible]

קאנפערענץ פון מעטאליסטען

[illegible]

מיטטיילונגען.

[illegible]

אנאנסען.

קיעווער [illegible] פארלאג

ערטיגען.

[illegible]

פאר קינדער

[illegible]

[illegible]

לעצטע נייעס.

אין אדעסער דומע

[illegible]

דער האנדעל מיט רומעניען און בעסאראביען.

[illegible]

אן עסטרייכישער בעפעהל אין אדעס.

[illegible]

ביי די אדעסער לעדער-ארבייטער.

[illegible]

די לאגע פון די ניקאלאיעווער ארבייטער.

[illegible]

א אוקראינישער בעפולמעכטיגטער.

[illegible]

פערוויעהרט פאליטיק.

[illegible]

נייע ארעסטען פון איטאליענישע סאציאליסטען.

[illegible]

די וואהלען אין רומעניען.

[illegible]

[illegible] דער צענטראל-קאמיטעט פון „בונד"

A3940

אויף דער וואך

ארגאן פון ציוניסטישען געדאנק

„ДЕРЪ ТЕЛЕГРАФЪ"
„ОЙФЪ ДЕРЪ ВАХЪ"
КIЕВЪ,
Б.-Васильковская 72.

ערשיינט
וועכענטליך.
№ 1.

פרייז 50 קאפ.
דער פרייז פאר מודעות:
א פעמיט - שורה — 75 קאפ.
די רעדאקציע איז אפען פון 11 ביז

פרייטאג, 15 מארט 1918 קיעוו. ב׳ ניסן, התרע״ח.

אינהאלט: מ. גראסמאן: נאך דער הפסקה; מ. נ. סירקין: ועד ארבע ארצות; י. שעכטמאן: סאציאליסטישע שתדלנות; מ. מכבי: אונזער אווטאנאמיע ביי דער נייער פאליטישער לאגע; מ. זייגער: ציוני-פראבלעמען; ש. שנייפאל: פארשווינע; מ. קערבשער: יהיאל טשלענאוו; די געשעהענישען אויף אוקראינע; אין דער ציוניסטישער וועלט; דאס אידישע לעבען אין אויפלאנד; אין ארץ ישראל; בריף פון קרים; גרוסען פון פוילען; ליטעראַרישע נייעס.

צוליב סבות, וואס זיינען ארויסגערופען דורך דער פאליטישער איבערקערעניש אויף אוקראינע און די געשעהענישען אין קיעוו זיינען מיר געווען געצוואונגען צייטווייליג אפשטעלען די ערשיינונג פון דעם

„טעלעגראף"

אין א קורצער צייט ארום וועלען מיר ווידער ארויסגעבען דעם „טעלעגראף" אין א פארגרעסערטען פארמאט.

כדי ניט איבער צורייסען די פארבינדונג מיט אונזערע לעזער, אבאנענטען און אגענטען און כדי ניט לאזען אונזערע פריינד אהן א אנפירענדען ארגאן פון ציוניסטישען געדאנק האבען מיר באשלאסען דערווייל ארויסגעבען א וועכענטליכען זשורנאל,

„אויף דער וואך"

אין וועלכען עס וועלען זיך באטייליגען אלע מיטארבייטער פון „טעלעגראף".

אלע אבאנענטען פון „טעלעגראף" וועלען דערווייל באקומען „אויף דער וואך".

די גאנצע קארעספאנדענץ דארף געשיקט ווערען, ווי פריהער, לויט׳ן אדרעס פון „טעלעגראף".

מיר בעטען די ה״ה אגענטען און די ארגאניזאציעס תיכף צושיקען אונז א חשבון פון די ביז איצט פארקויפטע נומערען „טעלעגראף".

די רעדאקציע און אדמיניסטראציע „דער טעלעגראף".

אויף דער וואַך

ארגאן פון ציוניסטישען געדאנק.

„ДЕРЪ ТЕЛЕГРАФЪ“
„ОЙФЪ ДЕРЪ ВАХЪ“
КIЕВЪ,
Б.-Васильковская 72.

ערשיינט
וועכענטליך.
№ 1.

פרייז 50 קאפ.
דער פרייז פאר מודעות:
א פעטיט - שורה — 75 קאפ.
די רעדאקציע איז אפען פון 11 ביז 1.

פרייטאג, 15 מארט 1918 קיעוו. ב׳ ניסן, התרע״ח.

אינהאלט: מ. גראסמאן: נאך דער הפסקה; מ. ג. סירקין: ועד ארבע ארצות; י. שעכטמאן: סאציאליסטישע שתדלנות; מ. מכבי: אונזער אויטאנאמיע ביי דער נייער פאליטישער לאגע; ב. זיינער: צייט-פראבלעמען; ש. שנייפאל: פארשוינגען; מ. קערטשער: יחיאל טשלענאוו; די געשעהענישען אויף אוקראינע; אין דער ציוניסטישער וועלט; דאס אידישע לעבען אין אויכלאנד; אין ארץ ישראל; בריף פון קרים; גרופלן פון פוילען; ליטעראַרישע נייעס.

הועד הציוני העירוני
מביע את צערו וכאבו הגדול על מות מנהיגנו נשיא
ההסתדרות הציונית
ד״ר יחיאל טשלינוב.

די רעדאקציע און אדמיניסטראציע פון דער
צייטונג
„דער טעלעגראף“
דריקען אויס זייער טיפען צער צוליב
דעם טויט פון
ד״ר יחיאל טשלענאוו

די דעמיעוועקער ארגאניזאציע פון דער
פאלקס-פראקציע
„צעירי-ציון“
דריקט אויס איר טיפען צער איבערן טויט
פונ׳ם געליבטען חבר
ד״ר יחיאל טשלענאוו

הועד הקיובי של ההסתדרות „תרבות“
מביע את צערו העמוק על מות חבר ההסתדרות
ד״ר יחיאל טשלינוב.

נאָך דער הפסקה.

פאַר די זעקס וואָכען, וואָס מיר זיינען געווען אָבגעריסען פון אונזערע לעזער, האָבען די שטורמישע געשעהענישען ווידעראַמאָל שאַרף געענדערט די פּאָליטישע לאַגע אויף אוקראַינא און רוסלאַנד. אייגענטליך איז פאָרגעקומען דאָס, וואָס מ'האָט געקענט מער אָדער ווייניגער ערוואַרטען. די רעוואָלוציע האָט געמאַכט נאָך איינע שוערע צושטערונגס=שריט און האָט דערפירט ביז'ן לאָגישען סוף זיינע גרונד=מאָטיווען, וועלכע זיינען געווען פון אָנהויב אָן כאַראַקטעריסטיש פאַר דער רוסלענדישע רעוואָלוציע: מאַנגעל אין מלוכה'שען פּאַטריאָטיזם און סעפּאַראַטיסטישער נאַציאָנאַליזם פון די איינצעלנע פעלקער און מלוכה=טיילען. דער צעטיילונגס=און פיילונגס=פּראָצעס האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה און די מסיב'דיגע ענציגדונג האָט ניט פאַרפעהלט קיין איין אבר פון דער אמאָליגער רוסישער אימפּעריע.

דער יעריליכער יובילעאום פון די היסטאָרישע רעוואָלוציאָנס=טעג, וועלכער פאַלט אוים גראָד הײַנטיגע=וואָך, ווערט דורך די לעצטע געשעהענישען פאַרוואַנדעלט אין א טרויעריגען יאָרצייט, אין א יאָרצייט פון צובראָכענע האָפנונגען און צושטערטע אילוזיעס. און אפילו די פרייד פון שלום, וועלכער האָט זיך ענדליך אראָבגעלאָזט, ווי א מידער ווייסער מלאך, אויף די פאַרבלוטיגטע פעלדער פון רוסלאַנד, אפילו די שלום=ידיעות איז די באַפרייאונג פון אוקראַינא קענען ניט אָבשוואַכען די אימעטיגע געפיהלען, וואָס ווערען ארויסגערופען דורך דעם טרויעריגען סך=הכל.

דערווייל וואַרפט זיך, נאַטירליך, אין די אויגען ביז'ן דאָס גרייסע און בילט'ע, די טיפערע גרונדען. צו וואָס וועלען פירען די געשעהענע שנויים וועלען מיר ערשט קענען זעהען און אָבשאַצען שפּעטער. דערווייל איז קלאָר, אז דער רעוואָלוציאָנס=יאָר, באַזונדערס זיינע צווייטע העלפט, וועלכע קען געגליכען ווערען צו אַנ'אַזאַרט=שפּיל, האָט קודם כל צישטערט און ניט געבויט, קודם כל דערפירט ביז'ן סוף די צוטיילונג פון רוסלאַנד, און וועלכער עס האָבען אויף א משונה'דיגען אופן צוזאַמען אַנ'אַנטייל גענומען די באָלשעוויסטיש=אַנאַרכיסטישע קרעפטען און די יונקעריש=קאָנסערוואַטיווע דייטשע רעגירונג. אין דער איינהייטליכער רעוואָלוציאָנס=פראָנט איז געבראָכען געוואָרען אזוי, אז די באַפרייטע און איצט זעלבסטשטענדיגע פּראָווינצען פון רוסלאַנד זיינען גלייך געשטעלט געוואָרען אין ליבער פיינד א פּאָזיציע צו פּעטראָגראַד; דערמיט איז אויסער דעם פּרינציפּ פון זעלבסטבאַשטימונג קודם כל ערפילט געוואָרען איינער פון די באַקאַנטע פּלענער, וועלכע האָבען זיך די גאַנצע צייט געוועבט אין די קעפּ פון די דייטשע אימפּעריאַליסטען.

און גלייכצייטיג איז אין די ניי=געשאַפענע מלוכות, ווי אוקראַינא, למשל, תיכף, ווי דורך א כישוף, אויסגעוואַקסען ביי א גרויסען טייל פון דער באַפעלקערונג א נאַציאָנאַל=פּאַטריאָטישער שאָוויניזם, וועלכער האָט געפונען, לויט'ן באַקאַנטען שטייגער, זיינעם ערשטען אויסדרוק אין שנאה צו אידען. אויף דעם זעלבען שטח, וואו די באַפעלקערונג האָט געליטען פון מאַנגעל אין מלוכה'שען פּאַטריאָטיזם, האָט מען זייער לייכט, ניט קוקענדיג אויף דער סאָציאַליסטישער הערשאַפט, איינגעפלאַנצט א היימישען פּאַטריאָטיזם, א קראַנקהאַפטען און נעגאַטיווען. דאָס איז געווען דער אויסדרוק פון זעלבסטשטענדיגקייט און זעלבסטבאַשטימונג.

פון דער אַנדערער זייט באַגעגענען מיר דעם יאָרצייט אין דעם מאָמענט, ווען די רעוואָלוציאָנס=כוואַליע הייבט אָן אָבצופאַלען און אויף דעם צובושעוועטען ים באַווייזט זיך דער ערשטער שוים פון ליקווידאַציע און קאָנטר=רעוואָלוציע, און וועלכען עס זיינען שוין צו באַמערקען ניט בלויז שטימונגען, נאָר אַקטיווע מעשים. עס איז אפשר ניט אזוי וויכטיג, וואָס אַנ'אויסגעצייכנעטער אָפיציר רייסט אַראָב פראַנק און פריי די רויטע פאָן, וואָס היינגט אויפ'ן באַלקאָן פון דער קיעווער דומע, נאָר ערנסט און געפערליך איז די פאָלשטענדיגע דעמאָראַליזאַציע און מידקייט, ביי וועלכער עס ווערט מעגליך אזוי לייכט, באַזונדערס, שטיצענדיג זיך אויף דער „פריינדשאַפטליכער דייטשער אַרמיי", וואָס האָט פאַרפליצט אוקראַינא, צו ליקווידירען די ערובערונגען פון דער רעוואָלוציע, וועלכע האָט אזוי לאַנג געפונען איר סימבאָלישען אויסדרוק אין דער רויטער פאָן.

עס איז פיינליך איבערצולעבען צום יאָרצייט פון דער רעוואָלוציע א היידאַמאַצקען אנטיסעמיטישען טעראָר און הערען מכח „אידען=ריינע" פאָלקען, נאָר פיל סימפּטאָמאַטישער און שרעקליכער איז די שטרעבונג צו פאַרקירצען די צאָל פון די אוקראַינישע מיניסטעריומס אויפ'ן חשבון פון די נאַציאָנאַלע מיניסטעריומס, און אין דער ערשטער ריי פונ'ם אידישען.

באַזונדערס בולט איז דער אָנהויב פון דער ליקווידאַציע, און וועלכער—מ'קען ניט אָבלייקענען

עס זיינען גאַראָן קערענדלאַך פון שאַפונג,—אויף דער אוקראַינא, ווייל דאָ איז די עליה פון דער רעוואָלוציע געווען די גרעסטע און די ירידה שיינט צו ווערען די שווערסטע. אָבער אין דער ווינ פון דער נאַציאָנאַל=פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע רעאַגירט אונזער שכל און געפיל פיל שטאַרקער און פיינליכער, ווי אין אַנ'אַנדערען אָרט.

אמת, פאַר אונז, וועלכע האָבען שטענדיג געקוקט איבער דעם הײַנטיגען טאָג, פאַר אונזער נאַציאָנאַל=פּאָליטישער פּאָזיציע, וועלכע איז קיינמאָל ניט געווען געבויט דורכאויס אויף די ערובערונגען אין גלות (מיר האָבען אפילו אין דער פאָלקאָמסטער נאַציאָנאַל=פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע געזעהען א נומען פּאַליאַטיוו)—פאַר אונז האָט זיך בעצם ראַדיקאַל גאָרנישט ניט געענדערט. פילעס האָבען מיר פאָרויסגעזעהען און פאָרויסגעזאָגט. אין אַלע טראַגישע שטורמען, וואָס האָבען געבושעוועט איבער רוסלאַנד, זיינען מיר תמיד געווען די שטויבעלאַך, וועלכע האָבען זיך ארומגעטראָגען פון שוואַרצען ים ביז סיביר. און בלויז אידען האָבען אין משך פון א יאָר ניט באַוויזען צו שאַפען די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פונ'ם גאַנצען אַלרוסלענדישען אידענטום און נאָר מיר האָבען ביז איצט ניט אָבגעהאַלטען אונזער נאַציאָנאַלען קאָנגרעס. שטעהען מיר מאַקי איצט, צי דער צייט פון דער ליקווידאַציע, איפּין האַלבען וועג, ווידעראַמאָל צוריסען אין צוטייל.

אמת, די רוסלענדישע רעוואָלוציע האָט אונז באַפרייט, און אין אונזערע היסטאָרישע זכרונות וועלען די עמאַנסיפּאַציאָנס=דעקרעטען פון דער צייטווייליגער רעגירונג בלייבען, ווי לייכטענדע סלופּען אויפ'ן באַפרייאונגס=וועג. די רוסלענדישע רעוואָלוציע האָט אונז קודם כל די הענד באַפרייט און פונ'ם תחום ארויסגעריסען—און צוריק וועלען מיר זיך אהינצו שוין ניט אומקערען.

דאָס וועלען מיר געדענקען. אָבער מיר וועלען אויך ניט פאַרגעסען, אז א סך פון אינזערע ברידער זיינען ווידעראַמאָל פאַר'שבור'ט און פאַרבלענדעט געוואָרען פונ'ם העלען שיין און פאַרלאָזען די אידישע פּאָזיציעס, גרייט געווען צו פאַרקויפען די אידישע בכורה. בלויז דערפאַר האָבען מיר ניט באַוויזען צו באַפעסטיגען אויך די נאַציאָנאַלע פרייהייטען, וועלכע די רעוואָלוציע האָט געשאָטען רעכטס און לינקס.

די לעצטע עטאַפּען פון דער רעוואָלוציע, ריכטיגער, דער פּעריאָד פון שגעון און פאַרברעכען, האָט אונז פיל ענטוישונגען און וואונדען געבראַכט. קודם כל האָט מען אַלעמען, די גרעסטע טייל פון די רוסלענדישע פּאָליטישע אַקטיווע עלעמענטען, בכוונה אין דעם קאָנטר=רעוואָלוציאָנערען ווינקעל אָבגעשטויסען און אַליין, זעלבסטהערשענד אָנגעהויבען צו בעלי=בית'עווען. דאָס האָט געבראַכט צום גרעסטען עקאָנאָמישען חורבן פון לאַנד, איבערהויפּט פון דער שטאָט, צו דער כאַאָטישער דעמאָביליזאַציע, צו דעם בירגער=קריג, צו דעם טעראָר— און געשלעגען האָט דאָס אַלץ, ווי תמיד, אין דער ערשטער שורה אונז, די שוואַכערע, די עקאָנאָמיש ניט פעסטע, די פאַרהאַסטע און צווישענליגענדע.

דער באָלשעוויזם האָט אָבגעשטעלט די ענטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע און האָט מיט א וואַלדינער שנעלקייט געטריבען די געשעהענישען, וועלכע האָבען געמוזט ברענגען דאָס לאַנד צו אזא שרעקליכער מפּלה, ווי די איצטיגע. וואָרום, וואָס איז דען— שוין ניט רעדענדיג פון די היימישע „נצחונות"— איב ניט קיין באַנקראָט פון דער רעוואָלוציע, דער בריסקער שלום, וועלכער איז אזוי ווייט פון דעם רעוואָלוציאָנערען „שלום אָהן קאָנטריבוציעס און אַנעקסיעס", ווי דער קאָמיסאַרען=ראַט פון אַנ'אמתער פאָלקס=רעגירונג.

און ווידעראַמאָל האָט מען דאָ די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען ניט באַוואָרענט, אריינגעלעגט און די הענט פון דער דייטשער מאַכט דעם גורל פון צענדליגער פעלקער. דער אידישער נאַציאָנאַלער גוף האָט דערביי מורא'דיג געליטען; מ'האָט אונז צושטיקעלט און צוברעקעלט, אפילו ניט דערמאָנענדיג וועגען דעם מיט קיין אות.

די הויכע ווערטער און שענע לאָזונגען זיינען אוועק מיט'ן רויך, ווי נור זיי האָבען זיך אָנגעשטויסען אויף א מאַכט, בפרט אזא שטאַרקע און רעאַקציאָנערע מאַכט, ווי די דייטשע. מנצח געווען האָבען ניט די רויטע גוואַרדייצעס פון דער רעוואָלוציע, נאָר די טויט=הוסאַרען פון דער דייטשער קייזערליכער אַרמיי.

דעם צווייטען רעוואָלוציאָנס=פרילינג באַגעגענט אוקראַינע, באַזונדערס, דאָס אידענטום, און א געדריקטער שטימונג, ענטוישט און מיד. די פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע אַרבייט, וועלכער מ'פּלעגט זיך איבערגעבען בלב ונפש, באַקומט איצט אַנ'אומחן. אין די אויגען פלאַקערען ווידער אויף בטול צו אַלע הויכע אידיאַלען און א צווייפעל אין אַלע גילדענע חלומות. בשעת די נאַטור בליהט וועלקט אין א סך הערצער. דאָס איז אָבער ניט אַלץ. די שערבלאַך פון די צובראָכענע האָפנונגען פאַרוואַקסען שוין ווידער מיט ווילדע גיפטיגע גראָזלאַך, און וועלכע עס צייטיגען זיך קערענדלאַך פון א באַנייטען האַס צו אידען, צו די שטענדיג שולדיגע, צו די „טרעגער פון חורבן און צערפאַל".

אזוי איז עס תמיד געוועזען נאך גרויסע שטורמען; אזוי איז עס איצט און אזוי מוז עס מסתמא זיין נאך א לאנגע צייט ביז א פאלק הערט ניט אויף צו זיין „בלויז שטויב, וואס בארעקט פרעמדע גאסען.

פרעמדס און אייגענס. פרעמדע און אייגענע. די רעוואלוציע האט די דאזיגע באגריפען ניט אויסגעווארצעלט, נאר פארקערט פארשארפט. אין דעם איז די קללה פון דער צייט, אבער גלייכצייטיג א נחמה אינ'ם עתיד, לכל הפחות פאר אונז. בשעת א סך אידישע נשמות בלאנדזשען איצט ארום ענטוישטע און מידע, ווערט די ביטערקייט אין אונזערע הערצער פארטריבען דורך די נייע אידישע האפנונגען, וואס האבען גלייכצייטיג אויפגעבליהט פאר אונז אינ'ם נאהענטען מזרח. עס ווארט אויף אונז אין דעם באפרייטען לאנד אן אייגענער בארען, וועלכען מיר דארפען בעאקערען און באפלאנצען. א גרויסע און ליכטיגע ארבייט ערווארט אונז. דער דאזיגער געדאנק לאזט אונז ניט אראבלאזען די הענד; ער פיהלט אן אונזערע הערצער מיט א נייער האפנונג און שאפונגס-פרייד.

מ. גראסמאן.

ועד ארבע ארצות*).

(דער פיר-לענדער סיים).

1.

מען טאר זיך נישט נארען, אין דעם פאקט — ווי טרויעריג ער זאל נישט זיין — מוז מען אנרופען מיט זיין אמת'ען נאמען: דער אלרוסלענדער אידישער צוזאמענפאר איז אבגעשטארבען, נאך איידער ער איז געקומען צום לעבען.

די לעצטע פאליטישע איבערקערעניש אין אוקראינא, די עסטרייך-דייטשע אריענטאציע, וואס די אוקראינישע מלוכה-פירער האבען אנגענומען נאכ'ן פערטען אוניווערסאל פון דעם 9 יאנואר, האבען געשאפען גאר נייע פאליטישע באדינגונגען, א נייע פאליטישע גרופירונג פאר דעם אידישען פאלק פון דער פריהערדיגער רוסלענדישער אימפעריע. און די דאזיגע ענדערונג איז איצט שוין נישט מער קיין סברה, ווי מען האט דאס געקענט רעכענען נאכ'ן דריטען אוניווערסאל, ווען אוקראינא איז ערקלערט געווארען אלס פאלקס-רעפובליק וואס געהט אריין אין דער רוסלענדישער פעדעראציע, אדער א קורצוויילינע, ווי מען האט געקענט זינגען אין דער צייט פון דער קורצער און בלוטיגער באלשעוויסטישער הערשונג. פאר'ן אידענטום איז דאס א ראדיקאלע ענדערונג אין דער גאנצער פאליטישער קאניונקטור און [illegible] אויף א לענגערע צייט, אפשר גאר אויף א גאנצע היסטארישע עפאכע.

געענדערט האט זיך גרינדליך די לאגע פון צווי זייטען: אי פון דעם צענטער אי פון דער סביבה, פון דער פעריפעריע, מצד די איינצעלנע מדינות, אין וועלכע עס זיינען איינגעשפריצט, ווי א קליינער מיעוט, די אידישע נאציאנאלע גרופען, וועלכע מיר האבען פריהער געקענט באצייכענען מיט דעם קורצען נאמען: דאס רוסלענדישע אידענטום.

פון איין זייט האט פעטראגראד אויפגעהערט צו עקסיסטירען אלס צענטער פון דער רוסלענדישער מלוכה. די קרעפטען, וועלכע האבען אויך פריהער, שוין פון אנהויב פון דער פעווראל-רעוואלוציע אבגעשטויסען פון צענטער איינצעלנע לענדער און נאציאנען און וואס זיינען פריהער געוועזען נאר פסיכאלאגיש-נאציאנאלע, האבען איצט שוין אנגענומען די רעאלע געשטאלט פון פאליטיש-עקאנאמישע. זיי צו באזייטיגען אדער צו באהערשען וועט שוין זיין זעהר שווער און אפשר לחלוטין אוממעגליך.

געאגראפיש, — פון שטענדיג אן פארריקט אין א ווינקעל, ווערט איצט פעטראגראד אייך אין פאליטישען זין עקסצענטריש. ד. ה. אייך אין פאליטישען זין פארלעגט אין א זייט, יוצא דופנ'דיג, און ווי ווייט מען קען פאראויסזעהען איצט אין דעם פאליטישען קינעמאטאגראף, וואס מיר רופען אן רעוואלוציע, איז פאר אונז, אידען, די צענטראלע ראליע פון פעטראגראד, — הגם ער האט געהאט א באדייטונג פון א אדמיניסטראטיווען צענטער — אויף לאנגע יארען און אפשר דורות פארשוואונדען.

פון דער אנדערער, זייט האבען זיך אויך אין די איינצעלנע לענדער פון דער פריהערדיגער רוסישער קרוין גרינדליך געענדערט נישט נאר אלע פארהעלטניסען, נאר אין אוקראינע — אפילו די פאליטיש-געאגראפישע גרענצען אויך.

---

*) דער ארטיקעל ווערט געדרוקט אויפ'ן יסוד פון פרייער דיסקוסיע.

די רעדאקציע.

די גאנצע שטארקייט פון אוקראינא איז ביז אהער אויך קיין מאל נישט געווען מזרח-גאליציען און בוקאווינא, — שטענדיג איז איר הויפטקראפט געלעגען אין רוסלאנד גופא. דעריבער זיינען די צענטראלע מלוכות אזוי שטארק פאראינטערעסירט אין דער גוטברודערשאפט מיט אוקראינא, אז זיי האבען זיך אפילו געלאזט צוליב איר אויף א מחלוקת מיט פוילען און אבגעריסען פון פוילען א טייל פון לובלינער און שעדליצער גובערניע, דוקא אין דער צייט, ווען די אוקראינישע פראוואסלאווישע באפעלקערונג האט צוליב דער מלחמה פארלאזען די דאזיגע גובערניעס און געבליבען זיינען דארט נאר די פאליאקען און די אידען.

דער אבמאך מיט דער „סאמאסטינער" (זעלבשטענדיגער) אוקראינישער רעפובליק רייסט אב ביי איצטיגע צושטענדען לחלוטין אוקראינע פון רוסלאנד און שטעלט זי נאך אין שארפע פיינדליכע באציהונגען צו איר פריהערדיגען איבערהאר. דערווייל האלט אוקראינע מלחמה מיט דעם באלשעוויסטישען „גרויס-רוסלאנד", וואס האט אנגעשיקט אויף אוקראינא אירע חילות. דערווייל האבען די צענטראלע מלוכות ארויסגעראטעוועט אוקראינא פון דעם באלשעוויסטישען יאך, און ס'איז איצט פאליטיש אוממעגליך צו רעדען וועגען דעם אנטייל פון וואסערער-עס-איז נאציאן, וואס לעבט אין אוקראינא אין א מין אינסטיטוציע מיט עפענטליכע אדער אפילו פריוואטע רעכט, ווען זי וועט טראגען אויף זיך דעם שטעמפעל פון „אלרוסיש".

שוין פריהער, נאך איידער ס'איז געשלאסען געווארען דער שלום מיט די צענטראלע מלוכות (דער אבמאך פון 27 יאנואר) איז שוין געווען אין צוזאמענהאנג מיט דער רוסישער גרינדונגס-פארזאמלונג א שטארקער שמועס וועגען דעם, אז אוקראינא געפינט זיך אין מלחמה-צושטאנד מיט „גרויס-רוסלאנד". איצט, נאך דעם שלום מיט די צענטראלע מלוכות און ביי דער ווייטערדיגער מלחמה מיט „גרויס-רוסלאנד" (אמת, מיט אירע באלשעוויסטישע „תאפערס") איז גאר קיין ספק נישט, אז סיי טאקטיש און סיי פאקטיש וועט די אידישע באפעלקערונג פון אוקראינא נישט קענען שיקען קיין רעפרעזענטאנטען אין דעם אלרוסלענדישען צוזאמענפאר אויב נאר ער וועט בלייבען ביי דעם אלרוסיש-מלוכה'שען כאראקטער, וועלכען ער האט ביז אהער געטראגען.

מיט דער ענדערונג פון די אוקראינישע גרענצען ענדיגט זיך אבער נאך נישט די כירורגישע אפעראציע, דער נחאלד-יים אין דער פאליטישער קארטע פון דעם פריהערדיגען רוסלאנד. באלד קען קומען די ערקלערונג וועגען דער זעלבסטשטענדיגער ליטע, צו וועלכער מען וועט מן הסתם פאראייניגען א טייל פון סובאלקער גובערניע. אין דייטשלאנד הויבט מען אן ווידער שטארק רעדען מכח עקאנאמישע און מלחמה-אינטערעסען, וואס פאדערן, אז דייטשלאנד זאל אריבעררוקען איר מזרח-גרעניץ ביז צו נארעוו און ווארטא, און פארנעמען דערביי די געגענד סאסנאוויץ-בענדין-טשענסטאכאוו-אלקיש מיט זייערע אייזען און קויהלען-גרובען.

נאך איז נישט גענוי באוואוסט דער גורל פון ווייס-רוסלאנד. נאר קלאר איז איינס: אין דעם אלגעמיינעם פאליטישען מבול וועט אויך זי נישט קענען בלייבען אין איר פריהערדיגען מצב. עס ווערען פארשוואונדען די פריהערדיגע גרענצען, עס פאלען איין די אלטע צוויי אדלערדיגע וואס זיינען — ווי ס'האט זיך געדוכט — געשטאנען אייזען-פעסט יארען און דורות, און צוזאמען מיט דעם בייט זיך אויך די גאנצע גרופירונג פון דעם אידישען פאלק, זיין צאל, די צווישען-פעלקערליכע באציהונגען צווישען זיינע איינצעלנע צווייגען, זייערע פאליטישע און סאציאל-עקאנאמישע אינטערעסען.

און אפען און קלאר מוזען מיר דעריבער מודה זיין:

דער אלרוסלענדישער אידישער צוזאמענפאר איז איצט א טויטער חלום, אן אבגעשטארבענער קלאנג. ערנסט רעדען וועגען אים אין די ראהמען פון פאליטישע באגריפען הייסט פארמאכען די אויגען אויף דער ווירקליכקייט און איבערחזר'ן טויטע אבקלאנגען פון אן אלטען אבגעשטארבענעם לעבען.

2.

וואס-זשע איז דער פועל יוצא דערפון? וואס זאלען מיר איצט טון? וואס פאר א אינסטיטוט שאפען אויף דעם ארט פון דעם אבגעשטארבענעם אל רוסלענדישען צוזאמענפאר?

מיר דארפען זיך איצט נישט פארטיפען אין חקירות, צי איז דאס פארשווינדען פון דעם אלרוסלענדישען אידענטום אלס פאליטיש-טעריטאריאלען באגריף, א טרויעריגער פאקט אדער א פרעהליכער. די צייט פון היסטארישע אבשאצונגען איז נאך נישט געקומען, מיר לעבען איצט אין דעם שטורם און דראנג פון חרוב-מאכען און בויען און מיר האבען קיין צייט נישט זיך אבצושטעלען אויפ'ן מיטען וועג, פארקלערט און פארחלומט, ליריש-פארטרויערט אדער מרה-שחורה'דיג פארזארגט. דאס לעבען שטעהט נישט. „דער מלך איז געשטארבען — זאל לעבען דער מלך". דער אלרוסלענדישער אידישער צוזאמענפאר איז געשטארבען — זאל לעבען דער אידי-

שער פיער לענדער=סײַם, דער ועד ארבע הארצות!

פאַר אונז זײַנען קלאָר צוויי זאַכען:

1) אַ צענט־ראַלער אידיש־נאַציאָנאַלער אָרגאַן פון אונזער זעלבסט=פאַרוואַלטונג מוז געשאַפען ווערען; אָהן אים זײַנען מיר נישט קיין פאָלק אין די גלות־לענדער, נאָר מענשען־שטויב.

2) פון אונזער נאַציאָנאַלען שטאַנדפונקט זײַנען אַלע פּאָליטישע גרעניצען, וואָס טיילען אָב איין טייל אידען פון דעם אַנדערען נאָר מאַטעמאַטישע ליניען, אָהן וואָג און אָהן געוויכט אין דעם נאַציאָנאַלען זין. ווי עס זאָלען זיך נישט רוקען די גרענעצען און בײַטען די גרעניץ־סלופען מיט זייערע איינשריפטען—פאַר אונז בלײַבט דאָס אידישע פאָלק איין איינציגע נאַציאָן. די פּאָליטישע שנוים ענדערען די אויסענווענדיגסטע פאָרמען פון דעם אידישען לעבען; דער נאַציאָנאַלער תוך בלײַבט אָבער אומגעענדערט. מאַטעמאַטיש גערעדט: דער נאַציאָנאַלער תוך איז אַ שטענדיגע ק׳אַפּס, אַ „קאָנסטאַנס".

אויב אַזוי, איז פאַר אונז קלאָר, אַז בײַ די געענדערטע פּאָליטישע באַדינגונגען מוזען מיר פאַר זיך, פאַר אונזער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ, געפינען די פאָרמען, וועלכע גאַראַנטירען אונז די מעגליכקײַט צו פאַראייניגען אין איין נאַציאָנאַל־פּאָליטישען פאַרבאַנד די מאַקסימום טיילען פון דער אידישער נאַציאָן.

אז מיר קוקען זיך צו—פון דעם אידישען שטאַנדפונקט—צו דער פּאָליטישער קאַרטע פון דעם איצטיגען מאָמענט—באַמערקען מיר אַ זעלטענע ערשײַנונג: עס דוכט זיך אייס, אַז די היסטאָרישע ראָד האָט זיך ווידער אומגעדרעהט און ווידער געשאַפען אַרום דעם אידישען פאָלק דעם רינג, וועלכער איז אַרום אים געווען פאַרשלאָסען אין דעם 1־טען יאָרהונדערט ביז צו דער 2־ער העלפט פון דעם 18־טען יאָרהונדערט.

און אין דער אמת׳ען. באַטראַכט ערשט די גרופען אידען, וועלכע געהערען אַרײַן אין דעם איינפלוס־קרייז פון די צענטראַלע מלוכות. וואָס וועט מיר דאָרט באַמערקען?

אין דער ערשטער ליניע, לויט זײַן גרויס און צאָל שטעהט דאָס אידענטום אין אוקראַינאַ. צי וועט די סאַמאָסטינאַ אוקראַינאַ אין אירע איצטיגע גרעניצען מיט דער צײַט זיך באַהעפטען מיט גאַלי־ [illegible]שינאַ און איבערהויפּט מיט דעם טייל אוקראַינאַ, [illegible] איצט אונטער דער הערשאַפט פון עסטרײַך־אונגאַרן—די פראַגע וועלען מיר איצט ניט באַרירען. על כל פנים איז קלאָר, אַז געפינענדיג זיך אונטער דעם איינפלוס—אַנדערע זאָגען אפילו אונטער דעם פּראָטעקטאָראַט—פון די צענטראַלע מלוכות, וועט דער באַנד צווישען ביידע טיילען פון דעם אוקראַינישען פאָלק נעהנט ווערען לעבעדיגער און ענגער; די פריהערדיגע אַבטייל־גרענצען וועלען פאַלען. דערעמפאַלס וועט זיך די אידישע נאַציאָן אין ביידע טיילען פון אוקראַינאַ געפינען אונטער דעם איינפלוס פון כמעט גלײַכע פּאָליטישע כוחות און שטימונגען.

דאָס גלײַכע קען מען זאָגען וועגען דעם אידענטום אין פּוילען. פולשטענדיג זעלבסטשטענדיג, אָדער, פאַרשטעלט, אַ פּאָליטיש קעסטקינד בײַ אַנדערע מלוכות, וועט זיך פּוילען געפינען אונטער דעם איינפלוס פון די צענטראַלע מלוכות. און די סתירות צווישען דעם טייל פון גאַליצישען אידענטום און דעם רוסיש־פּוילישען, וואָס האָבען געהערשט ביז אַהער, וועלען אונטער דער השפעה פון גלײַכע פּאָליטישע שטרעמונגען ווערן קלענער און שוואַכער.

אַ קעניגרײַך, אַ הערצאָגטום, אַ אויטאָנאָמע פּראָווינץ—וואָס ליטאַ זאָל נישט זײַן, זי וועט שוין אַזוי גיך נישט אַרויס, ווילענדיג צו נים־ווילענדיג פון דעם פּאָליטישען איינפלוס פון די צענטראַלע מדינות; דאָס גלײַכע—ווײַס־רוסלאַנד.

פון דעם אידישען שטאַנדפונקט האָבען מיר דאָ פאַר זיך אונטער אַ בעשטימטען, איינהייטליכען פּאָליטישען איינפלוס דעם גרעסטען טייל פון דעם אייראָפּעאישען אידענטום לויט די פּאָליטישע און עטנאָגראַפישע גרענעצען, וועלכע האָבען עקסיסטירט אין דער צײַט פון דעם גלאַנץ־פּונקט פון אונזער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, ~~אין~~ דער צײַט פון דעם ועד ארבע ארצות, פון דעם פיר־לענדער־סײַם, וואָס האָט באַהעפט אונטער איין פּאָליטישען איינפלוס, פון דעם יאָר 1580 ביז 1764 די אידען פון די לענדער: גרויס־פּוילען, רוסלאַנד, פּאָדאָל און וואָהלין און פון דעם יאָר 1623 ביז 1764, נאָך דעם ווי ס׳איז ענטשטאַנען אויך דער ליטווישער ועד, זײַנען צו אים צוגעקומען אויך די אידען פון ליטאַ, ווײַס־רוסלאַנד און זאַמוט. באַטראַכט איר די גרענעצען פון די פאַרצײַטיגע ועדים געפינט איר, אַז דער פּאָדאָלער געגענד, וואָס איז ענטשטאַנען נאָך׳ן קאַרלאָוויצער שלום (1699) צוזאַמען מיט דער רוסישער וואָיעוואָדסטוואַ פאַלען אין גאַנצען אַרײַן אין דער איצטיגער אוקראַינאַ. קרוין־פּוילען פון אַ מאָל מיט

דעם איצטיגען פּאָליטישען פּוילען זײַנען אויך כמעט די זעלבע געאָגראַפישע באַגריפען. נישט דאָ איז דער אָרט און נישט איצט די צײַט צו מאַכען היסטאָריש־געאָגראַפישע פאַרגלײַכען. קלאָר איז נאָר איינס, אַז בנוגע צו די גרענעצען שטעהען מיר איצט כמעט בײַ דער וויג פון אונזער זעלבסט־פאַרוואַלטונג; די היסטאָריע האָט געמאַכט אַ פאַרדרעהטע ציק־צאַק־ליניע און איצט שליסט זי ווידער דעם אייגענעם רינג, וועלכען זי האָט אָנגעהויבען מיט 300 יאָר צוריק.

ס׳פאַרשטעהט זיך, אַז נישט דער היסטאָרישער פאַרגלײַך, די היסטאָרישע אַנאַלאָגיע איז דאָ דער עיקר, חאָטש מען מוז מודה זײַן, אַז זי ברענגט אייך צו ערנסטע באַטראַכטונגען. דאָס וויכטיגסטע איז דאָ אָבער דער רעאַל־פּאָליטישער מאָמענט.

און דער רעאַל־פּאָליטישער צד ווײַזט אונז אָן, אַז קיין אַנדער וועג איז איצט פאַר אונז נישטאָ. אויפ׳ן אָרט פון חלומות, וואָס מיר וועלען נישט קענען אויספירען, מוזען מיר זיך פאַרנעהמען מיט רעאַלע וועגען און מיטלען, וואָס וועלען אונז העלפען צו אָרגאַניזירען אין אַ גרויסען פּאָליטישען מאַסשטאַב אונזער אידיש נאַציאָנאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונג. ווי די זאַכען שטעהען בײַ דעם איצטיגען מאָמענט, איז בײַ אַלע לענדער און פעלקער פון דעם פריהערדיגען רוסלאַנד זעהר גרויס דער חשק זיך אָבצורײַסען פון דעם פריהערדיגען פּאָליטישען צענטר. „לאָז פאַן פּעטראָגראַד" (אַוועק פון פּעטראָגראַד) איז איצט געוואָרען כמעט אַזאַ קאַמף־רוף פאַרצײַטיגער: „לאָז פאַן ראָם". נאָר איצט באַטײַט ער די נאַציאָנאַלע באַפרײַאונג. די איינצעלנע פעלקער גיבען זיך נאָך נישט אָב קיין דין וחשבון, אַז דאָס איז אייגענטליך נישט קיין באַפרײַאונג, נאָר אַ בײַט פון איין יאָך אויף אַ אַנדערען. דעם מאָמענט מוזען מיר אָבער אויסנוצען, כדי צו פאַרשטאַרקען אונזערע נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס.

ווי וועט דער דאָזיגער צוועק קענען דורכגעפירט ווערען אין לעבען?

בײַ דער איצטיגער משונה׳דיגער צײַט, ווען אַלע פאָרמען זײַנען נאָך קאָכענדיג־פליסיג, ווי צולאָזענער מעטאַל, ווען קיין שום פּאָליטישע גרופּירונג האָט זיך נאָך נישט איננאַנצען קריסטאַליזירט און אָבגעשטעלט—קען מען קיין גענויען אַרבייטס־פּראָגראַם נישט צוזאַמענשטעלען. די הויפּט־פּונקטען—באַדוכט זיך אונז—זײַנען איצט שוין בולט און קלאָרער.

* אויפ׳ן אָרט פון דעם אַלרוסישען אידישען צוזאַמענפאָר דאַרף געשאַפען ווערען דער ועד ארבע ארצות דורך אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע אידען פון אוקראַינאַ, פּוילען, ליטאַ און ווײַס־רוסלאַנד. אַלס גרונדלאַגע פאַר די וואַהלען מוז גענומען ווערען די פינף־פאַכע פאָרמול, לויט וועלכער ס׳זײַנען געמאַכט געוואָרען די וואַהלען צו דעם אַלרוסישען צוזאַמענפאָר. דעלעגאַטען פון די לאַנד־טיילען, וועלכע געהערען אַרײַן, לויט זייער פּאָליטישען איינפלוס־קרייז, אין דעם ועד ארבע ארצות ווערען גערעכענט פאַר אויסגעקליבענע אַלס דעפּוטאַטען אין דעם דאָזיגען צוזאַמענפאָר. אין פּוילען ווערען געמאַכט וואַהלען לויט די זעלבע תקנות.

דער צוזאַמענפאָר דאַרף פאָרקומען אין קיעוו, אין דעם צענטר פון אוקראַינאַ, וועלכע האָט די ערשטע פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ פון פולער נאַציאָנאַלער־זעלבסטבאַשטימונג און די שאַפונג פון דער נאַציאָנאַל=פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע. דער צוזאַמענפאָר וועט באַהאַנדלען אַלע וויכטיגע פראַגען פון דער אידיש־נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג און וועט אויסקלײַבען אַ שטענדיגען אָרגאַן, דעם ועד ארבע ארצות. אין יעדען לאַנד וועלען זיך די אידישע בירגער באַמיהען דורכפירען דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע, לויט דעם נוסח פון דעם אוקראַינישען געזעץ פון 9 יאַנואַר 1918. דערמיט וועט די אידישע זעלבסטפאַרוואַלטונג קריגען דעם כאַראַקטער פון אַ מלוכה׳שע אָרגאַניזאַציע מיט עפענטליכע רעכט.

וועט זיך די פּאָליטישע קאָניונקטור ענדערן און אין דעם פּאָליטישען איינפלוס־קרייז, אונטער וועלכען עס געפינען זיך איצט אוקראַינאַ, ליטאַ, פּוילען און ווײַס־רוסלאַנד, וועלען אַרײַנגעצויגען ווערען נײַע לאַנד־טיילען פון דער אַמאָליגער רוסישער אימפּעריע, דאַמאָלס וועלען די לענדער אויך קענען באַהעפט ווערען צו דעם צוזאַמענפאָר, און דאַמאָלס וועט ער שוין זײַן דער ועד חמש הארצות. אַפילו די דאָזיגע באַצייכנונג קומט אויך פאַר אָפט אין דער געשיכטע פון 17־טען יאָרהונדערט. אויב למשל גרויס־רוסלאַנד אַליין וועט שליסען דעם שלום מיט די צענטראַלע מלוכות—און דאָס איז אַ פּנים נעהנטער ווי ווײַטער—דאַמאָלס וועט אין דעם באַשטאַנד פון צוזאַמענפאָר קיין שום פאַקטישער חילוק אויך נישט פאָרקומען. אין דעם ועד וועלען אַרײַנגעהען פאַרטרעטער פון גרויס־רוסלאַנד, אוקראַינאַ, פּוילען ליטאַ און ווײַס־רוסלאַנד, אָדער מיט אַנדערע ווער

טער: דאָס גאַנצע רוסלאַנד פון פאַר דער מלחמה.

דורך דעם, וואָס מיר שטעלען דאָס פּראָבלעם נישט אין די אַלטע פּאָליטישע גרעניצען פון אַלרוסלאַנד, וועלכע עקסיסטירט פאַקטיש נישט און דורך דעם, וואָס מיר שטיצען זיך מער אויף די נײַע פּאָליטישע באַדינגונגען אין עטנאָגראַפישע גרענעצען.—דערמיט האַקען מיר אָב די פּאָליטישע שאַרפקײַט פון די צווישען-מלוכה'שע באַציהונגען פון די פאַרשיידענע לענדער און שטעלען די פראַגע מער אויף דעם אידיש-נאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט. דאָס, איז, פאַרשטעהט זיך, פאַר אונז גלײַכער, געזונטער און פון אונזער נאַציאָנאַלען קוק—ריכטיגער.

מ. נ. סירקין.

סאָציאַליסטישע שתדלנות.

I.

ווי שווינדלעריש-בויגזאַם איז דער מענשליכער געדאַנק!

דוכט זיך, די ערנסטע אָבגעלעבטע, זאָגאַר טויטגעבוירענע אידעאָלאָגיע קאָן ער אָנטון אין נײַע העלע קליידער, באַפּוצען מיט אַ פאַלשען גלאַנץ, באַשפּריצען מיט שטאַרקשמעקעדיגע פּאַרפומען כדי צו דערשטיקען דעם ריח פון דער פוילקײַט, און באַפּוצענדיג און מאָדערניזירענדיג, עס ווידער גאַנגבאַר. מאַכען און ס'וואַנדערט צווישען די מענשען ווידער לעבעדיגער מת; מ'רעכענט זיך מיט אים, מ'קוקט אויף אים מיט שרעק אדער מיט פרייד, מ'מעסט און מ'וועגט זײַן ערכ'דיגער געוויכט אין דער פּאָליטיק,—ביז דאָס לעבען און דער מענשליכער געדאַנק וועלען זײַן בכח אים געבען אַ קלאַפּ אין דער פּלייצע און אומקערען דעם אַנטלאָפענעם מת צוריק אויפ'ן בית-עולם.

אַזאַ מין תחית-המתים שטעהט אויף דוכט זיך ווידער אין אונזערע טעג אַנ'אַלט-נײַער מת. די אידעאָלאָגיע פון שתדלנות, וואָס, איז דוכט זיך שוין אײַנגאַנצען אָבגעשאַפט דורך אונזער געזעלשאַפטליכקײַט און באַדעקט מיט אַלגעמיינעם עקעל, ווערט דורך עמיצענס אומגעלומפּערטע הענט ווידער גאַלוואַניזירט און אַרויסגעלאָזט אויפ'ן פּאָליטישען מאַרק. דאָסמאָל ווערט זי געבוירען אין נײַע גאָר אומערוואַרטעטע קליידער, אויפגענײַט לויט דער לעצטער מאָדע. ס'וואַקסט אַ נײַע שתדלנות: אַ סאָציאַליסטישע.

אין וואָס באַשטעהט דער אינווײניגסטער מהות פון שתדלנות, וואָס איז זײַן פּאָליטישער עטאָס, זײַן „אײביג שתדלנישע"?

בלי ספק באַשטעהט די שתדלנות קודם כל אין חניפה צום בעל-בית, אין ספעקולאַציע אויף זײַנע זײַטען, געשמאַק, געוואוינהײַטען און שוואַכקײַטען. די „פילאָזאָפיע" פון שתדלנות איז אינגאַנצען בעגרינדעט אויף דער פסיחיק פונ'ם בעל-בית.

די פאָלקס-פּאָליטיק דאַרף אָנגעפירט ווערען נים אַזוי, ווי דאָס פאַרלאַנגט דאָס פאָלק גופא און נים דורך די וועמען דאָס פאָלק וואָלט באַפאָלמעכטיגט, נאָר אויסשליסליך אין הסכם מיט די סימפּאַטיעס און געשמאַקען פונ'ם פריץ, וואָס שטעהט איצט בײַם רודער. די פּאָליטיק דאַרף געמאַכט ווערען אַזוי, אַז זי זאָל זײַן צוגעפּאַסט צו זײַנע געוואוינהײַטען, פירען זי דאַרפען די, וועלכע קאָנען אַמבעסטען צוציהען זײַן חסד און נושא חן זײַן. ס'מאַכט נים אויס, וואָס די שטאַנדפּונקטען און געשמאַקען פון פאָלק און פונ'ם פריץ זײַנען גרונד-פאַרשיידען, וואָס די פּאָליטיק פון די שתדלנים איז נעגען די געפילען פון נאַציאָנאַלער ווירדע, און וואָס די שתדלנים אַליין שטעלען מיט זיך פאַר אַ נישטיגע מינדערהייט אין פאָלק און זײַנען פון אים נים אָנערקענט. שתדלנות איגנאָרירט אָט די אַלע „קלייניגקייטען", זי איז שטאַרק מיט'ן חסד פונ'ם פריץ. און מיט אים באַגליקט זי דאָס פאָלק.

אין פאַרשיידענע קליידער, פאַרשיידענע געשטאַלטען טרעט אַרויס און ווירקט אָט דאָס אייביג שתדלנישע. אין דער צײַט פון דער אומבאַגרענעצטער זעלבסט-הערשונג האָט עס געבליט אין די פאָדער-הײַזער פון די מיניסטאָרען, אויסנוצענדיג דורך דער הינטער-טיר די נאָהענטקײַט צו די ביוראָקראַטישע אָדער פינאַנציעלע ספערען. די לאַגע פון די שתדלנים איז דאַמאָלס געווען אויסער קאָנקורענץ. בלויז זיי האָבען געהאַט דעם צוטריט אין אָט די קרײַזען. נאָר זיי האָבען פאָלקאָם אויסגעלערנט די שפּראַך און פסיחיק פון אָט דעם „שטערען-הימעל" און האָבען ווירקליך אַמאָל מיט ערפאָלג געקאָנט דאָ עפּעס פועל'ן פאַר די אינטערעסען פון זייערע „גלויבענס-גענאָסען", פאַרהיטענדיג פון דער אָדער יענער גזירה, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן סדר-היום. אָבגעריסען פון די מאַסען, זײַנען זיי דאָך געווען מעכטיג דורך זייער אומבאַגרענעצטער מאָנאָפּאָל אין די הויכע ספערען.

רוסלאַנד איז אַרײַן אין דער עפּאָכע פון אונזער אײַגענאַרטיגען הײמישען „פּאַרלאַמענטאַריזם"; מ'האָט אָנגעהויבען צו באַקומען עפּיס אַ ווירקונג אויף די רוסלענדישע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטליכקײַט מיט די קאַדעטען בראַש. און בײַ אונז איז באַלד אויסגעוואַקסען אַ „פּראָגרעסיווע שתדלנות". מענשען, וואָס האָבען צוליב די אָדער יענע פערזענליכע

פאַרדינסטען אין מדות טובות, באַקומען אַנ'אײַנפלוס אין די פּראָגרעסיווע קרײַזען, האָבען אָנגעהויבען אויסנוצען אָט די ווירקונג לטובת די אידישע אינטערעסען (ווי זיי האָבען דאָס פאַרשטאַנען). און פּונקט מיט אַזאַ התמדה, ווי זייערע פאָרגענגער, האָבען זיי געהיט די מאָנאָפּאָל פון זייער שתדלנות. זיי אַליין פאַרדינען דעם חסד פון פריץ; נאָר זייער שטים וועט ער פאַרנעמען. און דעריבער: זיי דאַרף אָבגעגעבען ווערען אין מאָנאָפּאָל די אידישע פּאָליטיק! אַלע אַנדערע—procul este prophani! שטעהט פון דערווײַטענס!

ס'איז אָנגעקומען די רעוואָלוציע; ווי אַ רײניגונגס-שטורם האָט זי זיך דורכגעטראָגען איבער די אַגיעס-שטאַלען פון אונזער געזעלשאַפטליכקײַט, אויסקערענדיג פון אַלע ווינקעלאַך די אומגעבעטענע פאַרזאָרגער. און געדוכט האָט זיך, אַז אײן פּרינציפּ האָט די רעוואָלוציע פעסט אײַנגעוואָרצעלט אויף דער אידישער גאַס: דאָס פאָלק פירט אַלײן זײַן פּאָליטיק דורך זײַנע אָנערקענטע פאָרשטעהער. ניטאָ מער קײַן הערשענדע און ניכהערשענדע פעלקער! ניטאָ מער קײַן פּאָליטישע גרופּען פון ערשטער און צווייטער מדרגה! ניטאָ קײַן מאָנאָפּאָליסטען אין דער פּאָליטיק! ניטאָ מער קײַן שתדלנות!

ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט אַנדערש.

געקומען זײַנען ווידער נײַע בעלי-בתים. אויף דער רוסלענדישער פּאָליטישער גאַס איז אַרויסגעשווימען דער „סאָציאַליזם פון די נאַראָנים"—דער באָלשעוויזם. זײַן לאָזונג:—נידער מיט דער בורזשואַזיע און קײַן אויסגלײַך מיט איר. זײַנע אַרגומענטען—ביקס און פּולעמיאָט, זײַן פּאַטאָס—צערשטערונג, זײַן מאָס—„אײַנהייטליך סאָציאַליסטיש"...

און מיט אַ בליץ-שנעלקײַט האָט מען אַרויסגעשלעפּט פון קבר דעם פאַרפוילטען גוף פון דער אַלטער שתדלנות מיט דער גאַנצע נמאס געוואָרענער „פילאָזאָפיע" און טאַקטיק אירער, און מיר האָבען אַ נײַע, פיל ערגערע אויסגאַבע: סאָציאַליסטישע שתדלנות. ווײַל וואָס אַנדערש שטעלט דען מיט זיך פאָר די נײַעסטע אידעאָלאָגיע פון אונזערע סאָציאַליסטישע פּאַרטײַען, וועלכע פאָדערן, אַז דווקא זיי, וועלכע זײַנען אַ קלײנער מיעוט אין פאָלק, זאָל אָבגעגעבען ווערען די מאָנאָפּאָל אויף נאַציאָנאַלער פּאָליטיק און נאַציאָנאַלער פאַרשטעהערשאַפט?

זייער אַרגומענטאַציע איז ציניש אָפענהערציג. מ'דאַרף ראַטעווען אונזערע נאַציאָנאַלע רעכט פון דער באָלשעוויסטישער גזירה. דאָס קאָנען מאַכען נאָר מיר, סאָציאַליסטען. מיט קײַן אַנדערן וועלען די באָלשעוויקעס אפילו ניט וועלען רעדען. נאָר מיר האָבען, ווי סאָציאַליסטען, אַ געמײנזאַמע שפּראַך מיט זיי, נאָר צו אונז וועלען זיי זיך צוהערען. מיט אונז אַלײן וועלען זיי זיך רעכנען. ווײַל זיי אָנערקענען נאָר אַנ'אײַנהײטליך סאָציאַליסטישע מאַכט. זיי וועלען זיך ניט דערוועגען צעטרײַבען דעם נאַציאָנאַל-ראַט מיט אַ סאָציאַליסטישער מערהייט. אין ספּעקולירענדיג אויף אָט דער „סאָציאַליסטישער" פסיחיק פונ'ם נײַעם בעל-הבית, פאָדערן אונזערע סאָציאַליסטישע פּאַרטײַען, ווי די שתדלנים פון אַלע צײַטען, אַז מ'זאָל זיי געבען די מאָנאָפּאָל אויף דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. זיי, דער מיעוט, מוזען האָבען די מערהייט אין נאַציאָנאַל-ראַט.

אָט איז דאָס אײביג שתדלנישע: אַ נײַער סאָציאַליסטישער וואַריאַנט פון דעם אַלטען שתדלנישען נוסח!

מ'דאַרף זיך צופּאַסען צום נײַעם בעל-בית און דערצו איז נויטיג, נאַטירליך „אַנ'אײגענעם אידעל". בײַ די ביוראָקראַטען זײַנען געווען די פּאָליאַקאָוו'ס, גינצבורגס, וואַרשאַווסקי'ס, בײַ די קאַדעטען—ווינאַווער'ס, סליאָזבערג'ס און קלײַמאַנ'ס, בײַ די סאָציאַליסטען דאַרפען זײַן אַקרעדיטירט די ראַפּעסעס, שאַצ'ס וסיעתם. מיט אײן וואָרט: עפּיס אַ מין אוניווערסאַלע פאַרזיכערונג פון אַ שרפה און גנבה, נאָר יעדעס מאָל אין אַנ'אַנדער פאַרזיכערונגס-געזעלשאַפט און מיט דער הילף פון אַנדערע אַגענטען!

II.

ס'איז ניט נויטיג נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל דאָ אונטערצושטרײַכען דעם פּרינציפּיעלען פעהלער פון אָט דער „איבערפאַרזיכערונגס-פּאָליטיק". די נאַציאָן קאָן זיך ניט אָריענטירען לויט דעם בעל-הבית, קאָן ניט יעדעס מאָל דערהויבען אַלס איר געקרוינטען פאָרשטעהער אַנ'אַנדערן פאַרזיכערונגס-אַגענט נאָר דערפאַר, ווײַל ער איז אַצינד דער „שוץ-יוד" פונ'ם פריץ און איז ביכולת אויסבעטען בײַ אים די אָדער יענע לנאָטע. וואָרום, דער פּאָליטישער גורל איז דאָך זעהר קאַפּריזנע. הײַנט זײַנען בײַם רודער די באָלשעוויקעס, מאָרגען—די ראַדע, איבערמאָרגען—די קאַדעטען, דערנאָך אפשר עפּיס אַ „חייסער גענעראַל" אָדער אפשר נאָך ערגערס.

וואָס וועט דאַן זײַן? ווידער אַמאָל כורעים פאַלען פאַר די אַלטע שתדלנים, וואָס זײַנען שוין געוואָרען איבעריג און אַרויס אין דימיסיע, ווידער אַמאָל מגדל זײַן ווינאַווער'ן און סליאָזבערג'ן, וואַרשאַווסקי'ן און בראָדסקי'ן? דאָס וואָלט געהייסען אָנערקענען פאַר'ן העכסטען קריטעריום פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק די מיטעל—אַלטערישע פינסטערע תורה: וועמענס לאַנד, יענעמס גלויבען? איבערטאַנצען פון אײן „פּאָלוסטאַנאָק" אויפ'ן פּאָליטישען קאַמפּס-וועג צום אַנדערען און יעדעס מאָל

באַמיהען זיך אויספינען פאַר'ן ניַיעם בעל-בית— אין דעם פרט, װאָס איז אים מער אנגענעהם?

בפרט—ערלויבט זײַן אָפּענהערציג—אז נופא דער פראַקטישער נוצען פון אזא מאָדערנער סאָציאַליסטישער שתדלנות איז נאָך אין גרויסען ספק. די פריהערדיגע שתדלנים אונזערע, האָבען על כל פנים װירקליך געהאַט עפּיס אַ װערט און אַ װירקונג אין די קרײַזען, פאַר װעלכע זיי האָבען זיך משתדל געװען. מ'פלעגט זיך צו זיי חאָטש צוהערען און אמאָל האָט מען זיי געפאָלגט.

—אונזערע סאָציאַליסטישע שתדלנים האָבען אפילו די דאָזיגע מעלה אויך ניט. זייער השפעה אין באָלשעװיסטישען לאַגער װערט באמת כאַראַקטעריזירט בלויז מיט'ן פאָלקס-אויסדריק: מ'הערט אײַך װי אַ קאַץ אין אַ פּריסטשמוײַע! פאַר די באָלשעװיקעס זײַנען אונזערע סאָציאַליסטישע פאַרטײַען פונקט אזעלכע נאַציאָנאַליסטישע און קלײַנבירגערליכע גרופּען, װי מיר אַלע זינדיגע מענשען. אויב טשערנאָװ און מאַרטאָװ זײַנען פאַר זיי קאָנטר-רעװאָלוציאָנערען, זײַנען ראַפּעס אין שאַך—אדרבה ואדרבה. און קײַן שום סאָציאַליסטישע מערהײַט אין אידישען נאַציאָנאַל-ראַט װאָלט אים ניט געקאָנט ראַטעװען פון צעטרײַבען, אויב די באָלשעװיקעס װאָלטען זיך מיט אַ בײַז אויג אויף אים אַרומקוקען. אַלע סברות װעגען דעם, אז „זיי װעלען ניט װאַגען" א. א. װ—זײַנען נאָר װערטער. האָט מען דאָך געװאַגט צוטרײַבען די דעמאָקראַטיש אויסגעקליבענע גרינדונגס-פאַרזאַמלונג מיט אַ קװאַליפיצירטער סאָציאַליסטישער מערהײַט! אָט די גאַנצע „סאָציאַליסטישע פאַרזיכערונג", איז קײַן גראָשען ניט װערט. ניט פון אַ שרפה, ניט פון אַ רויבערישען אנפאַל װאָלטען די זעלבסט-געקרוינטע פאַרזיכערונגס-אַגענטען ניט פאַרהיט די אָרגאַנען פון אונזער נאַציאָנאַלער אװטאָנאָמיע.

די אידישע נאַציאָנאַלע געזעלשאַפטליכקײַט דאַרף אװעקװאַרפען דאָס „ספּעקולירען" אויף'ן בעל-הבית. אויף אַלע פּרובען פון דער מינדערהײַט צו נעמען די מאַכט שטיצענדיג זיך אויף דער קראַפט און חסד פון פּריץ, דאַרף געגעבען װערען איין מעכטיגע תשובה און אויסגעשרײַ:

—אװעק מיט די הענט!

די נאַציאָן איז קײַן װינדפּליוגער און בײַט ניט איר פאַרשטעהער-שאַפט לויט'ן בלאָזען פון פּאָליטישען װינטעל. זי האָט אָבגעגעבען די מערהײַט אין די הענט פון די ציוניסטישע עלעמענטען און װעט בלײַבען טרײַ איר װאָטום און איר אויסגעהאַלטע, װער עס זאָל היינט ניט געװעלטיגען אויף דער אַל-געמיין-פּאָליטישער גאַס. די באָלשעװיקעס געפעלט דאָס ניט: װעלען מיר עס פאַרצײַבנען, אָבער ניט מער. ניט מיט די באָלשעװיקעס האָט זיך אָנגעהויבען און ניט מיט זיי װעט זיך ענדיגען אונזער נאַציאָנאַלע פּאָליטיק. מיר האָבען איבערגעלעבט ניקאָלאַיען, איבערגעלעבט אַלע פאָרמען פון מאַכט, װאָס זײַנען אַרויסגערופען דורך דער רעװאָלוציע און האַלטען בײַ איבערלעבען אָט די נײַע קאַליפען אויף אַ שעה. מיר זײַנען פריהער פון זיי געקומען און װעלען שפּעטער פון זיי אװעקגעהן. און פאַר די אַלערלײַ שתדלנים, װאָס מאָלען שרעקליכע בילדער, כדי צו טעראָריזירען בעל-ביתישע קרײַזען און נויטיגען זיי אָבנעבען די מאַכט אין זייערע סאָציאַל-שתדלנישע הענט, מוז זײַן גרײַט אַ רוהיגער און פעסטער ענטפער: איר װעט ניט איבערשרעקען!

מיר בויען אונזער פּאָליטיק ניט אויף'ן חסד פונ'ם בעל-הבית, נאָר אויף'ן רצון און כח פונ'ם פאָלק, אויף די אָרגאַניזירטע פאָלקס-קרעפטען. און אזא פּאָליטיק קאָנען פירען נאָר די, פאַר װעמען ס'שטײַט די מערהײַט פון דער נאַציאָן. אָט די מערהײַט האָט ניט נושא חן בײַ די איצטיגע בעלי-בתים: דערפאַר איז זי געװאונשען פאַר'ן אידישען פאָלק אונזערע סאָציאַל-שתדלנים פאַרמאָגען אפשר דעם חסד פון די בעלי-בתים: דערפאַר האַלט אָבער פון זיי ניט דאָס אידישע פאָלק.

דאָס אידענטום און די באָלשעװיקעס האָבען פאַרשידענע געשמאַקען! און מ'דאַרף אויסקלײַבען צװישען אָט די צװיי כחות. אונזער אויסװאַל איז געמאַכט: מיר—זײַנען מיט'ן אידישען פאָלק. זאָלען אונזערע סאָציאַל-שתדלנים טוען, װאָס און װי זיי װילען.

י. שעכטמאַן.

אונזער אװטאָנאָמיע בײַ דער נײַער פּאָליטישער לאַגע.

I.

די אוקראַאינישע מאַכט האָט זיך אומגעקערט אויף איר אַלטען פּלאַץ.

און װידעראַמאָל,—װי תמיד בעת ס'בײַט זיך די פּאָליטישע אָרדנונג,—לעבט איבער די אידישע באַפעלקערונג די שװערסטע נסיונות. װידעראַמאָל חזר'ט זיך איבער די אײביגע קללה פונ'ם אַלטען אידישען גלות: ס'איז ניטאָ קײַן שמחה אויף דער װעלט, װאָס זאָל ניט אַרויסרופען אַ טרויעריגען אָפּקלאַנג אויף דער אידישער גאַס.

און דאָך געפינען מיר פאַר פּאַסענד צו רעדען איצטער ניט װעגען די דאָזיגע צרות פונ'ם

היינטיגען טאָג, װי גרויס און טיף זיי זאָלען ניט זײַן. די דאגות פון היינט טאָרען ניט אָפּציהען אונזער ענערגיע און נאַציאָנאַלען רצון פון דעם אַלטען קאַמף פאַר אונזער נאַציאָנאַלע גאולה און אויפלעבונג. אויף קײַן איין רגע טאָרען מיר ניט פאַרגעסען אָן אונזערע נאַציאָנאַלע באַדערפענישען, בפרט װעגען אונזערע ערראַבערונגען.

צו איינע פון די דאָזיגע ערראָבערונגען געהערט די אידישע אַװטאָנאָמיע. דעם 9-טען יאַנואַר 1918 האָט די קליינע אוקראַאינישע ראַדע אָנגענומען דעם געזעץ-פּראָיעקט װעגען נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אַװטאָנאָמיע. מיר האָבען געקעמפט פאַר דעם דאָזיגען געזעץ און נאָך דעם װי ער איז אָנגענומען געװאָרען, האָבען מיר אים באַגריסט. דאָס איז געװען אונזער ערראָבערונג—דער ערפאָלג פונ'ם ציוניסטישען פּראָגראַם, ציוניסטישען געדאַנק און ציוניסטישען גײַסט. און מיר האָבען געװאָלט באַפעסטיגען די דאָזיגע נײַע און ריכטיגע פּאָזיציע, מאַכען פון איר אַ באַזע פאַר'ן װײַטערדיגען קאַמף פאַר דער ענדגילטיגער נאַציאָנאַלער גאולה פונ'ם אידישען פאָלק.

לײַדער האָבען מיר עס ניט געקאָנט דורכפירען לויט אונזער װאונש און װילען. פאַרגעסענדיג דעם עצם און תוך פון דער נאַציאָנאַלער אַװטאָנאָמיע, אָפּזאָגענדיג זיך פון דעם דעמאָקראַטישען אלף-בית, פאַר װעלכען די מענשהײַט קעמפט שוין צענדליגער יאָרען,—האָבען די אידישע סאָציאַליסטישע פאַרטײַען באַשלאָסען מיט געװאַלט „באַגליקען" דאָס אידישע פאָלק אויף אוקראַאינע; זיי האָבען מיט הילף פון דרויסען אָפּגעשטויסען פון די פּאָליטישע פּאָזיציעס די אמת'ע פאָלקס-פאַרשטעהער און פאַרכאַפּט די מאַכט אין זייערע הענט. אַלס אידישער מיניסטער איז באַשטימט געװאָרען דער פאַרשטעהער פון דער אונפאַראַנטװאָרטליכסטער אידישער פּאַרטײ, װעלכע האָט געבראַכט ניט װעניג שאָדען די אידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסען. כדי צו פאַרקערפערען די נאַציאָנאַלע אַװטאָנאָמיע, האָט מען באַשטימט אַ נאַציאָנאַל-ראַט פון 20 פּערזאָנען, װעלכער טויג אפילו ניט צו זײַן אַ קרומער שפּיגעל פון דער װירקליכער אידישער גאַס; פיר פּאַרטײען, װעלכע האָבען באַקומען בשעת אַלע לעצטע װאַהלען די קלענסטע צאָל שטימען—דער „בונד", די „פאַראײניגטע", „פּועלי-ציון" און די אַבסטראַקטע „פאָלקס-פּאַרטײ"—זײַנען באַשענקט געװאָרען מיט 16 שטימען. און די צװיי פּאַרטײען, װעלכע האָבען בשעה די װאַהלען צונויפגעקליבען הונדערטער טויזענדער שטימען—די ציוניסטען און די אָרטאָדאָקסען—האָבען במעט ניט באַקומען קײַן שום פאַרשטעהערשאַפט: די ציוניסטען האָט מען געגעבען 4 ערטער און די אָרטאָדאָקסען קײַן איין אָרט ניט...

אומזיסט האָבען מיר גע'טענה'ט, אז דאָס איז ניט קײַן אַװטאָנאָמיע, נאָר אַװטאָקראַטיע (ד. ה. זעלבסט-הערשאַפט), אומזיסט האָבען מיר אָנגעװיזען, אז די אידישע סאָציאַליסטען װילען אויספּראָבירען אויף די אויסגעמאַטערטע אידישע פּלײצעס די שלים-מזל-דיגע באָלשעװיסטישע עקספּערימענטען, געגען װעלכע זיי אַליין קעמפען אויף דער אַלגעמײן-רוסלענדער גאַס. שטיצענדיג זיך אויף דער אוקראַאינישער רעגירונג, אויסנוצענדיג די בײַטש פון אויסערליכער צװאַנגס-מאַכט, האָט מען זיך באַגאַנגען מיט די אידעלאַך אויף'ן באָלשעװיסטישען שטײגער: דער „אידישער מיניסטער" האָט געבאַקט געזעצען און דעקרעטען, און די אידישע מאַסען האָבען געװאָלט צוזעהען, האָרכען און בלויז בראַװאָ פּאַטשען...

ס'זײַנען אַװעק עטליכע חדשים. די אוקראַאינישע מאַכט איז צײַטװײליג געפאַלען. ס'איז אַרויסגעפאַלען דער בײַטש פון די הענט פון אונזערע לינקע „בעלי-טובות". מ'האָט שוין מער ניט געקאָנט שיקען צירקולאַרען דורך דעם אינערן-מיניסטעריום, אז דער „אידישער מיניסטער" איז דער בעל-הבית איבער'ן אידישען לעבען, אונזער ריש-הגולא. קײַן אינערליכען אױטאָריטעט אויף דער אידישער גאַס האָבען דער אידישער מיניסטער און דער „נאַציאָנאַל-ראַט" קײנמאָל ניט געהאַט. מ'האָט אזא אויטאָריטעט גאָר ניט געזוכט. װאָס פאַר אַ שײַכות קאָן אין דער אמת'ן האָבען די אידישע „רעװאָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע" (קרי: דער אידישער באָלשעװיזם) צו די אידישע פאָלקס-מאַסען (צו דער „אידישער רעאַקציע"—האָט עס געהייסען אויף זייער לשון)? און בשעת ס'איז געפאַלען דער פּריץ פון װעמען מ'האָט אזוי לאַנג געצויגען חיונה, זײַנען די אידישע דיקטאַטאָרען געבליבען מאַכטלאָז און נישטיג און אויף הפקר איבערגעלאָזט די יונגע אידישע אַװטאָנאָמיע...

ס'זײַנען געקומען די באָלשעװיקעס. פון דער ערשטער רגע אָן האָבען זיי אָנגעהויבען קוקען קרום אויף די נאַציאָנאַלע ערראָבערונגען. זיי האָבען חי געמאָסטען, װאָסער װידערשטאַנד װעלען זיי באַגעגענען װען זיי װעלען אָנהויבען חרוב מאַכען די נאַציאָנאַלע אַװטאָנאָמיעס. און װאָס האָבען זיי געטראָפען אויף דער אידישער גאַס? ניטאָ קײַן אידישער מיניסטער, ניטאָ קײַן נאַציאָנאַלע פאַרטרעטונג, גאָרנישט ניטאָ, אויסער דעם פּאַפּירענעם געזעץ פון 9-טען יאַנואַר. אײנזאַם און פאַר'יתום'ט שטעהט דער אַלטער רעױון פון דער נאַציאָנאַלער אַװטאָנאָמיע. חאָטש גײ און דער שטיק אים מיט די הוילע הענט...

קלאָר און דייטליך האָט זיך דאַן אַרויסגעוויזען דער היסטאָרישער חטא פון די אידישע סאָציאַליסטען. אין אַ טויט-געפאַר איז געבליבען די אידישע אויטאָנאָמיע אויף אוקראַאינא — און אַלץ צוליב זייער פּאַרטייאישע עקשנות, צוליב זייער באָלשעוויסטישער געוואַלט-פּאָליטיק, צוליב זייער פאַרברעכערישער לייכטזיניגקייט. און דע[illegible] די שולדיגע האָט זיך פּלוצלינג געביטען. פריהער פלעגט מען דאָך בלויז חוצפה'דיג אויסלאַכען די ערעכבע פאָדערונגען פון די אידישע מאַסען.

„מ'מעג אַמאָל אויך אַ באָלשעוויק זיין: איך האָב דערפאַר גאָר ניט קיין מורא" — האָט געזאָגט אויף דער ראַדע-זיצונג, וואו מען האָט באַהאַנדעלט די אידישע ענינים דער פאָרשטעהער פון די „פאַראייניגטע", באַהאַלטענדיג זיך דערביי אונטער די וואַרימע פליגעל פון דער אוקראַאינישער מערהייט. „דעמאָקראַטיזם אַהער, דעמאָקראַטיזם אַהין, — האָט ער ערקלערט אין פּריוואַטע אונטערהאַנדלונגען אַן אַנדער פאָרשטעהער פון דער זעלבער פּאַרטיי, — אמת, דאָס איז געווען זיין אייגענע מיינונג — אָבער איר מוזט דאָך פאַרשטעהן, אַז מיר האָבען איצטער די מאַכט אין אונזערע הענט, און מיר וועלען זי פרייווילינג ניט אַרויסלאָזען"...

אַזוי האָט מען גערעדט ביז דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש. און פּלוצלינג האָט מען אָנגעהויבען רעדען מיט אַן אַנדער לשון. מ'האָט דערפילט, אַז ס'איז געקומען די שעה פון נסיון פון דער גאַנצער אַוואַנטיורע. אָהן דער אוקראַאינישער ביימש קען זיך ווייטער די קינסטליכע ממשלה פון די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען ניט האַלטען. און מען האָט אָנגעהויבען זיך פאַרענטפערן.

די „נייע צייט" פון די „פאַראייניגטע" האָט אָנגעהויבען צו באַווייזען, אַז די טאַקטיק פון די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען קען ניט פאַרגליכען ווערען מיט דער באָלשעוויסטישער טאַקטיק, ווייל די באָלשעוויקעס האָבען פאַרכאַפּט די מאַכט, כדי דורכצופירען סאָציאַלע רעפאָרמען און די אידישע סאָציאַליסטען האָבען בדעה געהאַט בלויז שאַפען אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע. מיט אַן אַנדער פּלפול איז אַרויסגעטרעטען די „פאָלקס-צייטונג". לויט אירע תרוצים קומט אויס, אַז דער דעמאָקראַטישער כלל: „דער מעוט מוז זיך אונטערוואַרפען דעם רוב" — איז חל נאָר פאַר'ן עתיד, פאַר די קינפטיגע צייטען, ווען ס'וועט צוזאַמענגערופען ווערען די אידישע גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אויף אוקראַאינע. דעמאָלט וועלען די אידישע סאָציאַליסטען אָפּגעבען די מאַכט אין די הענט פון די, וועלכע וועלען האָבען דאָרט די מערהייט. ביז יענער צייט אָבער קענען פאַרזאָרגען די אידישע ענינים און באַגליקען די אידישע מאַסען אויף אוקראַאינע נאָר די סאָציאַליסטען...

הכלל, מ'האָט אָנגעהויבען עפּיס דערווייזען, עפּיס פאַרענטפערן. און גלייכצייטיג האָט מען אָנגעהויבען פירען פּריוואַטע אונטערהאַנדלונגען מיט די ציוניסטען, זיי זאָלען אַריינטרעטען אין דעם „נאַציאָנאַל-ראַט". מיר, ציוניסטען, זיינען געווען זעהר נאָכגיביג. מיר זיינען געווען גרייט צו פאַרגעסען אַלע זייערע חטאים, אַבי ראַטעווען די אויטאָנאָמיע. מיר זיינען געגאַנגען אויף אַלערליי פּשרות. זיי האָבען אָבער ניט געהאַט קיין מוט „אַרויסלאָזען די מאַכט" פון זייערע הענט און האָבען זיך געוואַקעלט.

דערווייל איז צוריק איינגעשטעלט געוואָרען די אוקראַאינישע מאַכט, און ווידעראַמאָל שטעהט אויף דייטליך און שאַרף די פראַגע:

— ווי אַזוי פאַרפעסטיגט מען פאָרט די אידישע אויטאָנאָמיע? ווי אַזוי טראָגט מען זי דורך דורך די פינסטערע צייטען, וואָס רוקען זיך אָן אַלץ נאָהענטער?...

2.

איצטער געפינט זיך די אידישע אויטאָנאָמיע אין אַ גרויסער סכנה.

קודם כל — פון אינעווייניג. פאָרמעל זיינען מיר צוריק געקומען צו דעם „סטאַטוס קוואָ", צו דער לאַגע, וואָס איז געווען פאַר דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש. ס'האָט זיך אומגעקערט די אַלטע אוקראַאינישע מאַכט, און דערמיט גלייכצייטיג באַשטעטיגט אַלע אירע אַלטע געזעצען און אוניווערסאַלען. אפילו די פריהערדיגע לאָזונגען בלייבען פאָרמעל אונבאַרירט...

און די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען שטעהען פאַר אַ שווערען נסיון. די ביימש קען זיך אומקערען צו זיי אין די הענט. מיט אידישע ענינים וויל מען זיך איצטער דעם קאָפּ ניט פאַרדרעהען. ווילען די אידען, אַלץ זאָל בלייבען ווי ביז אַהער, — אדרבא, לאָזען זיי זיך שפּילען מיט זייערע ענינים, לאָז ווידער צוזאַמענגערופען ווערען דער אידישער „נאַציאָנאַל-ראַט" אויפ'ן אַלטען שטייגער... און איך האָב מורא, אַז אונזערע סאָציאַליסטען וועלען ניט קענען ביישטעהן דעם דאָזיגען נסיון, די רעסטאַוראַציע.

און פון דרויסען רוקט זיך אָן אַן אַנדער סכנה. מיט זיכערע שריט פאַרנעמט די רעאַקציע אַלץ נייע פּאָזיציעס אויף אוקראַאינע. אַלע עראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע הענגען אין לופטען. און מיט שמערץ און שרעק זאָגען מיר ציוניסטען — „רעאַקציאָנערען" און „קאָנטר-רעוואָלוציאָנערען" — ווענדענדיג זיך צו זיי:

— אַ שרעקליכער חורבן שטעהט פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע. אַלץ טיפער און טיפער זינקט די רויטע פאָן. זייט-זשע פאָרזיכטיג, אידישע סאָציאַליסטען! פאַרגעסט ניט אייער פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער געשיכטע! שפּילט ניט אַזוי לייכט מיט דער אידישער אויטאָנאָמיע!

אמת, פאָרמעל איז אַלץ געבליבען ווי פריהער, פאַקטיש איז אָבער גאָר-ניט געבליבען פון פריהער, אויסער די קעפּלעך, נעמען און שילדען. קיין פעסטע שטיצע וועט די אידישע אויטאָנאָמיע — אפילו אייער אויטאָנאָמיע-אין-מלוכה-אַפּאַראַט מער ניט האָבען. ניט צו אייער דעמאָקראַטישען געוויסען ווענדען מיר זיך איצטער. איר זיינט געוואָרען „רעאַלע פּאָליטיקער" און איר שפּילט זיך ניט אין סענטימענטען. מיר ווענדען זיך צו אייער פּראַקטישען חוש.

אַן אויטאָנאָמיע מוז האָבען איר צענטראַל-אָרגאַן, איר נאַציאָנאַלע פאָרשטעהערשאַפט. דאָס איז לויט דעם געדאַנק פון אויטאָנאָמיע — דער נאַציאָנאַלראַט.

און איינס פון די ביידע ערוואַרט די אידישע אויטאָנאָמיע:

אָדער ס'וועט בלייבען דער אַלטער נאַציאָנאַל-ראַט, וואו 16 אָדער 40 (נאָך אייער נייעם פּראָיעקט) זעלבסטגעקרוינטע בעלי-טובות וועלען „פאַרזאָרגען" די אידישע ענינים. אפשר וועלען זיי עס טון אויסגעצייכענט, פּרימאַ-באַרט, נאָר דער אונפערמיידליכער פּועל-יוצא דערפון איז קלאָר: די אויסערליכע שטיצע וועט איר פאַרלירען. קיין אינערליכען אויטאָריטעט האָט איר קיינמאָל ניט געהאַט. און איר וועט גלענצענד באַגראָבען אי דעם נאַציאָנאַל-ראַט, אי די אויטאָנאָמיע, אי די רעשטלאַך פון אייער פּאַרטייאישער רעפּוטאַציע.

אָדער איר וועט זיך אָפּזאָגען פון די באָלשעוויסטישע הלוסות, און אויפריכטיג, ערליך פּרובען צוזאַמען מיט אונז צוזאַמענשטעלען אַן אמת'ן אידישען פאָרפּאַרלאַמענט — אַ צייטווייליגען נאַציאָנאַל-ראַט — אויף די יסודות פון'ם אַלטען „נאַאיווען" דעמאָקראַטיזם: ער זאָל אָפּשפּיגלען די אמת'ע קרעפטען-פאַרהעלטעניש אין פאָלק. דעמאָלט — זיינען מיר זיכער — וועט קומען צו אַ פּשרה: וועגען צאָהלען און ציפערן וועלען מיר צום רב ניט געהן. מיר וועלען געפינען דעם וועג פון גערעכטער פאַרשטענדיגונג. מיר וועלען זיך צוזאַמענרעדען, כדי דעם ווייטערדיגען קאַמף צו פירען אויפ'ן אַלטען „ראָמאַנטישען" שטייגער — אין גרענעצען פון געזונטען פּאַרלאַמענטאַריזם.

פון אייך הענגט עס איצט אָפּ.

מיר זיינען אייך נאָר מתרא!

מ. מבבי.

צייט-פּראָבלעמען.

I.

יעדער דור האָט זיינע אויפגאַבען און מעגליכקייטען, זיין היסטאָריש מזל. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז בכלל האָט די געשיכטע — און אפילו אונזערע אידישע — אַ באַשטימטען וועג, אַ געוויסען סדר פון סבות און פאָלגען, פון מוקדם ומאחר; דאָך שאַפט דער היסטאָרישער פּראָצעס בלויז ריכטונגען, טענדענצען, — די אויסערליכע געשעהנישען אָבער, די פאַקטען, האָבען זייער אייגענע לאָגיק און אין די גרענעצען פון פאָראויסגעשטעלטע ריכטונגען, געהן זיי ניט תמיד אויף דעם גלייכען שליאַך-וועג, נאָר אָפטמאָל אויך אויף נעבענוועגען און זייטען-וועגען. דעריבער מאַקע זעהען מיר, אַז דער היסטאָרישער דיאַגנאָז איז איינע פון די שווערסטע זאַכען. פאַרשטעהן איז דאָ וועניג, מען מוז קענען טרעפען, מען מוז ווערען אַ נביא. ביי נביאים אָבער איז, ווי באַוואוסט, די ראיה צו אַ שאַרפע, אַ ווייטע, דעריבער איז לייכטער נביאות זאָגען וועגען דעם וואָס עס וועט זיין איבער הונדערטער יאָרען, „באַחרית הימים", איידער פעסטשטעלען דעם היסטאָרישען „מאָרגען".

לאַנג פאָראויס זעהט מען אָפט אַלע וויכטיגע עטאַפּען אין דער וועלט-געשיכטע, און דאָך קומען פאַר די נאָהענטע גרויסע עפּאָכען כמעט אונערוואַרטעט. יעדען נייע עפּאָכע ווערט געבוירען אין טיפע, אָבער באַהאַלטענע וועהטאָגען, און נאָר צום סוף, ווען עס קומט די גרויסע היסטאָרישע כוואַליע, ווערט אַלץ אַנטפּלעקט און קלאָר. מעכטיגע כוואַליע נעהמט אויך איצט, פאַרפלייצענדיג די ביז-אַהעריגע מנהגים, פּרינציפּען און אינסטיטוטען — די גאַנצע אַלטע וועלט.

אָנגעהויבען האָט זיך עס צוזאַמען מיט דער מלחמה, וועלכע האָט געהאַט, ווי ס'ווייזט זיך איצט אַרויס, איין „ציל", וועלכער איז אַלע אירע פירער אפילו אויפ'ן געדאַנק ניט געקומען. זי האָט באַדאַרפט חרוב מאַכען און אויסקערען דאָס אַלטע, אַלץ, — וואָס עס איז פון קדמונים געווען אָנגענומען און אומעטום אָנערקענט. פראַנצויזישע רעפּובליקאַנער האָבען זיך „געבּרידערט" מיט ניקאָלאַי'ען און זיינע משרתים, איז אָבער געקומען די רוסישע רעפּובליק, און די באַציהונגען זיינען באַלד, פון אָנהויב אָן, געוואָרען קאַלט, ברוגז'דיג; פאַרקערט, דייטשלאַנד האָט צושמעטערט בעלגיע, אויסגעראָטען כמעט גאַנצע נאַציאָנען, און דער נאַציאָנאַלער פּרינציפּ איז קיינמאָל נאָך ניט געשטאַנען אין דער דייטש-עסטרייכישער פּאָליטישער וועלט אַזוי הויך. אויף אימליבען שריט און טריט, דורך „פייער און וואַסער"

זיינען חרוב געוואָרען גאַנצע שטעדט און לענדער, און דורך אבסורדען זיינען חרוב געוואָרען אַ סך פּרינציפּען און אמת'ען, אין וועלכע עס האָבען זיך ערלויבט צווייפלען בלויז איינצעלנע אפּיקורסים, בונטאַרעס, מענשען „ניט פון דער וועלט“.

II.

די מלחמה, איז איצט געענדיגט נאָר „פון איין זייט“, אין די באָלשעוויסטישע פייערדיגע רעקזפען, דאָך אירע פאָלגען זיינען שוין קלאָר; זי האָט ויסגעשטעלט אויפ'ן סדר-היום פון אַלוועלטליכען רום צוויי אַלטע פראַגען: די נאַציאָנאַלע און די ציאַלע. די „רעדעל-פירער“ פון ביידע זייטען, הענדיג, אַז דער שפּאַס האָט אַנגענומען וכנ'דיגע פאָרמען, האָבען באַלד אַהר המעשה. ך דעם שפּרונג אין אונבעוואוסטע האָבען זיי רויסגעוואָרפען אַ לאָזונג, אַז די היינטיגע מלחמה קאָן בשום אופן ניט געגליכען ווערען צו אַלע אַנדערע, וועלכע זיינען געוועזען ביז אַהער; עס קעמפען ניט, רעגירונגען, אפילו ניט מלוכות, נאָר גאַנצע פעלקער פאַר אַ נייער וועלט; עס געהט אַ מלחמה פאַר די רעכט פון אונטערדריקטע נאַציאָנען, פאַר דעמאָקראַטישע פּרינציפּען.

כאַראַקטעריסטיש איז עס, וואָס מער ווי אומעטום האָט מען וועגען דעם געשריען אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך, אין די לענדער, וואו אַלע, יונג און אַלט, זיינען מאָביליזירט געוואָרען און צו דער גאולה געטריבען מיט געוואַלט.

אין דעם, אַז די דאָזיגע מלחמה איז היילינגער, ווי אַנדערע האָט מען אין די מאַסען אפילו זעהר ווייניג געגלויבט, נאָר די ווערטער זיינען געוועזען ווי פונקען, וועלכע זיינען אריינגעפאַלען אין האַרצען אַריין, אַריינגעדרונגען אין מח און געטון זייער אַרבייט נאָר אויף אַנדערע וועגען און געבראַכט די נייע, ניט ערוואַרטענע אויספירונגען.

III.

וואָס האָבען די גרויסע אַלוועלטליכע געשעהנישען אַריינגעבראַכט אין אונזער קליינער אידישער וועלט, וואָס וועט פונ'ם אָנהויב פון דער נייער עפּאָכע פאַרשריבען ווערען אין אונזער געשיכטע ניט אין דריטער פּערזאָן, נאָר אין ערשטער, ניט אַלס אַזוינס, וואָס אונז איז אויסגעקומען דורכצוגעהן, וואָס זייטיגע אין פרעמדע האָבען מיט אונז געטון, נאָר אַלס אַזוינס, וואָס מיר אַליין האָבען געטון, וואוהין מיר זיינען געגאַנגען מיט אונזער אייגענעם ווילען, ניט געיאָגט און געפּלאָנטעט..

דאָס, וואָס מען האָט אונז געריסען אין אַלע ארטען פון אַלע קעמפענדע צדדים וואָס הרגענדיג איינער דעם אַנדערען האָבען מיר געפּראָטעסטירט מיט „שמע ישראל“, די אַלטע רוסישע צרות, פּוילישע סטירות, אפילו די שרעקליכסטע און אַכזריות'דיגע פּרשה פון היימלאָזע—דאָס אַלץ געהערט צו די אַלטע נייעסען...

אין אַ ווייטער אין ברייטער צייט-פּערספּעקטיווע וועט זיך דער קומענדיגער היסטאָריקער וואונדערן איבער אונזערן פּאַטריאָטיזם פון אָנהייב מלחמה, איבער אונזערע פייערליכע מאַניפעסטאַציעס אויף די זעלבע גאַסען, וואו נאָך ניט לאַנג זיינען פאַרגעקומען שחיטות און פּאָגראָם-לויות א. ו. וו.

שוין דאָ וועט ער זיך אָנשטויסען אויף דעם ערשטען און פריהערסטען פון אונזערע מלחמה-אבסורדען; אפילו מיר, היסישע אידען, אַזעלכע געניטע אין געלערנטע, האָבען זיך געלאָזט איינרעדען אין פאַרפירען. דער דאָזיגער אבסורד אָבער וועט אים ערקלערען איינע פון די וויכטיגסטע פּאָליטישע באַוועגונגען. וועלכע האָט געהאַט דעם גרעסטען חלק אינ'ם שאַפען פון דער נייער תקופה—כ'מיין די קאָנגרעסען-באַוועגונג.

זי האָט זיך אָנגעהויבען אין אַמעריקא ניט נאָר דערפאַר, ווייל דאָרט איז פאַרבליבען דער איינציגער ניטראַלער און באַדייטענדער אידישער קיבוץ, פאַרשטעהט זיך, פאַקטיש איז עס אונמעגליך צו באַווייזען, נאָר איך מיין, אַז ווען עס וואָלטען אויך געבליבען אַנדערע גרויסע ניטראַלע אידישע קיבוצים, וואָלט דער אָנהייב פאָרט געפאַלען אויפ'ן גורל פון אונזערע אַמעריקאַנער ברידער.

די פאַראייניגטע שטאַטען זיינען דאָס איינציגע לאַנד וואו מען האָט זיך תמיד זעהר ווייניג אינטערעסירט מיט נאַציאָנאַלע פראַגען, מען האָט געוואָלט דאָרט באַשאַפען אַ מין קאָנגלאָמעראַט, אָנקלעפּענדיג אויף אים אַ עטיקעטקע—„אַמעריקאַנער“, „יאַנקי'ס“. עס איז גענוג דורכבלעטערען רוזוועלט'ס רעדעס, הן פייערליכע, הן פּאַרלאַמענטאַרישע, כדי צו זעהן, ווי ער האָט געוואָלט לעזען די נאַציאָנאַלע פראַגע. אין דעם פּרט זיינען זיך אין אַמעריקא צונויפגעגאַנגען פּאַסטאָרען און סאָציאַליסטען, רעפּובליקאַנער און דעמאָקראַטען...

ווי אומעטום, זיינען מער פון די עכטע אַמעריקאַנער פּאַטריאָטיש געשטימט געוועזען אונזערע „יאהודים“, די אַמעריקאַנער אידישע הויך-אַסימילאַציע; צוליב די פרייע לעבענס-באַדינגונגען און אויך אַנדערע סבות, וועגען וועלכע כ'וועל איצט ניט רעדען, האָט זי זיך ניט אַזוי שטאַרק געוואָרפען אין די אויגען, זי איז ניט געוועזען אַזוי [illegible] און מאוס ווי די פּוילישע, למשל. נאָר זי איז געוועזען אפשר די ווייטערסטע, די עקסטרעמסטע.

אויב עס איז פאַראַן ערגעץ-וואו אויף דער וועלט דער מין פּאַטריאָטיזם אין קלאַסישען רוימישען סטיל—איז עס ביי די אידען אין אַמעריקא, אָהן אויסנאַם, אין אַלע שיכטען.

איז אָבער געקומען די מלחמה, און רוזוועלט צוזאַמען מיט די אַמעריקאַנער כלל-טוער פון ביידע הויפּט-פּאַרטייען האָבען באַנקראָטירט. עס איז באַלד פאַרשוואונדען געוואָרען די געקינסטעלטע „אַמעריקאַנער“ נאַציאָן—עס איז צוריק אַרויפגעשוואומען דאָס, וואָס הייסט געשיכטע, קולטור, שפּראַך א. א. וו.

ערשט ניט לאַנג האָט מען אין אַמעריקע פּרעטענדירט, אַז אפילו די שפּראַך איז דאָרט אַ בעזונדערע—אַן „אַמעריקאַנער“, און דאָס וואָרט "hatlon" האָט טאַקע אין אַמעריקאַ געהאַט אַן אַנדערן טייטש ווי אין ענגלאַנד... באַלד אָבער האָבען זיך אַרויסגעוויזען פאַרשידענע קולטורען, די גענעראַלע ענגלישע, אירלענדישע, דייטשע א. א. וו. און דעריבער איז אַמעריקאַ בעצם קיינמאָל ניט געוועזען נייטראַל, אויב נייטראַליטעט הייסט ניט, ווען איין חלק לאַנד העלפט איין צד און דער צווייטער חלק—דעם אַנדערען צד; די צענטראַלע רעגירונג גופא איז תמיד געשטאַנען אויף ענגלאַנד'ס זייט, נאָר אָפען אַרויסטרעטען האָט ניט געלוינט...

ביי אַזעלכע אַלגעמיינע אומשטענדען איז אַריפגעשווימען דער געדאַנק וועגען אַ אידישער נאַציאָן און דערנאָך, נאַטירליך, וועגען אַ אידישען נאַציאָנאַלען קאָנגרעס, אויף וועלכען מען זאָל דיקא מען רעדען ניט נאָר וועגען אַמעריקאַנער אידען, נאָר אויך וועגען אידען אין אַנדערע לענדער.

אַסימילאַטאָרען פון רעכטס און פון לינקס האָבען באַלד זיך געכאַפּט, אַז זיי זיינען צו ווייט פאַרפאָרען,—איז שוין אָבער געוועזען צו שפּעט.

עס איז באַשאַפען געוואָרען אַ מאָדנער בלאָק פון יאהודים מיט בונדיסטען, נאָר דאָס גרעסטע, וואָס זיי איז געלונגען, איז געווען אָבציהען פאַקטיש דעם קאָנגרעס, כאָן אַם דאָס, וואָס ווערט איצט ביי אונז אין רוסלאַנד אָנגערופען סאַבאָטאַזש.

רעוואָלוציעס שאַפען אָבער אידעען און ניט פאַקטען, און דער קאָנגרעס-געדאַנק וואַקס און פאַרשטאַרקט זיך, וואָס מער; וואָס ווייטער ווערט ער טיפער און ברייטער. מיר זיינען אָבגעשניטען פון אונזערע ברידער אין אויסלאַנד, דאָך פון צייט צו צייט הערט מען וועגען אידישע קאָנגרעסען אין איטאַליען, עסטרייך, שווייץ, ענגלאַנד וו. א. וו. פריהער מיט עטליכע חדשים אָדער שפּעטער די פאַראייניגטע און אָרגאַניזירטע אַלוועלטליכע אידישע נאַציאָן אין איר באַפאָלמעכטיגטער אָרגאַן—דער אַלוועלטליכער אידישער קאָנגרעס אונזערע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג—וועט מער ניט זיין קיין חלום, נאָר אַ לעבענס-פאַקט.

IV

דער צווייטער מלחמה-אבסורד,—אפשר דער גרעסטער אין היסטאָרישען זין, איז די רוסישע רעוואָלוציע. פּעטראָגראַד האָט אָנגעהויבען די מלחמה, לויט אַן אָפיציעלען דאָקומענט, צוליב דינאַסטישע אינטערעסען און די אונדאַנקבאַרע מלחמה האָט געענדיגט מיט דער דינאַסטיע. ראָדזיאַנקאָ מיט שולגינען האָבען געמאַכט די רעוואָלוציע, כדי דעם דייטש אָנצולערנען, לאָז ער וויסען—און ער ווייסט טאַקע, אַלענפאַלס מער ווי מיר...

ביז דער רוסישער רעוואָלוציע איז אונזער גלות-קאַרטע געוועזען געפאַרבט אין צוויי פאַרבען: אין מזרח—שוואַרץ, אין מערב—אַ העלער פאָן מיט פאַרשידענע טונקעלע פלעקען. מערב-אידען האָבען געלעבט, כדי מזרח-אידען צו העלפען, און מזרח-אידען, כדי צו ליידען...

און דאָך איז דאָס—מ'שטיינס געזאָגט!—געוועזען אַ פּאָזיטיווער פאַקטאָר, אַ פאַקטאָר, וועלכער האָט אונז פאַראייניגט הונדערטער יאָרען נאָכאַנאַנד.

איצט ווערט פאַר דעם רוסישען אידענטום געשטעלט אַן אויפגאַבע צו באַשאַפען, בלייבענדיג אומעטום אין מיעוט, אויטאָנאָמע פאָרמען, וועלכע זיינען טעאָרעטיש און פּרינציפּיעל שוין לאַנג באַוואוסט, נאָר אין אַ לעבעדיגען ביישפּיל נאָך ביז אַ הער און ערגעץ ניט פאַרווירקליכט געוואָרען.

ס'איז ניט אַזוי וויכטיג, ווי דאָס נייגעבוירענע קינד וועט הייסען—נאַציאָנאַל-פּאָליטישע, פּערסאָנאַלע אָדער קולטורעלע אויטאָנאָמיע, פיל וויכטיגער ווי די געבורטס-ליידען וועלען דורכגעהן און צו וועט דאָס קינד זיין אַ בן-קימא...

דערפאַר האָט אונזער רוסישער צוזאַמענפאָר אַ ווערט, ניט נאָר גלייך מיט אַלע אידישע קאָנגרעסען, נאָר פיל מער און וויכטיגער.

רוסלאַנד ווערט איבערגעבויעט אויף נאַציאָנאַלע פעדעראַטיווע יסודות, און מיר מוזען אויסנוצען אַלע מאַקסימאַלע מעגליכקייטען, כדי ווי בעסער זיך איינצואָרדנען, ווי לייכטער מאַכען דעם איבערגאַנג אין אונזער אייגענער היים.

אונזערע ברידער אין מערב-אייראָפּאַ וועלען ווייטער קוקען אויף אונז, נאָר ניט מער מיט רחמנות, נאָר מיט שטאָלץ אין האָפענונג און... זיי וועלען אונז נאָכגעהן.

וועלען די נייע נאַציאָנאַלע לעבענס-פאָרמען פאַרטיפען אונזער גלות-פראַגע? געווים ניין, צוליב פאַרשיידענע טעמים, פון וועלכע גאַנץ גענוג איז שוין דער ערשטער: קיין „ווירטשאַפטליך-עקאָנאָמישע

"אויטאָנאָמיע" איז ניט פאראן, און מיר וועלען זי ניט באקומען אין ערגעץ...

אויך אין פאלעסטינא וועלען מיר זי ניט באקומען א פארטיגע; נאר דאָרט וועלען מיר האָבען אייגענע נאציאָנאלע ערד, וועלען מיר זייען, וועט זי מיט דער צייט אויסוואקסען...

מ. זייגער.

פאַרשוינען.

דער אנארכיסטישער מגיד.

און איך דערמאָן זיך איצט אָן דעם "שטאָט-משוגענעם"...

שטאָט און שטעטל האָט, כידוע, געהאט איר גלוי, איר "אָפענעם סוד", איר "עוקר הרים" און — איר שטאָט-משוגענעם. דער שטאָט-משוגענער איז, אייגענטליך, ניט געווען קיין מטורף, וואָס האָט געזאָלט טראָגען א משוגענעם-העמד'ל. סתם משוגענע האָבען ניט זוכה געווען צו ווערען שטאָט-משוגעים. דער שטאָט-משוגענער איז געווען א אומגליקליך באשעפעניש, שטיל ווי א טויב און רוהיג ווי א לעמעלע. א פאר'מרה-שחורה'טער, א פאר'חלום'טער, א שווייגער. ער איז זיך געווען אויף זיין ארט און שטייגער א משוגענער פילאָזאָף. אָט רעדט ער, דאכט זיך צו דער זאך און אין מיטען רעדינגען רעדט ער פון וועג.

כ'דוב איז דער שטאָט-משוגענער געווען א קרבן פון פלפול. שווימענדיג אין דעם ים-התלמוד האָט ער זיך צו טיף אראָפגעלאָזט און קומענדיג ווידער ארויף האָט ער שוין מיטגעשלעפט מיט זיך א פאנטאסטיש געדאנק פון א פאנטאסטישער יענער-וועלט. און ער איז זיך שוין זיין גאנץ לעבען פארבליבען אין דעם תהו ובהו פון "יענער וועלט".

און אז אין זיינע מטורף'ע אייגען פלעגען אָנהויבען בליצען משוגה'דיגע פייערלעך און ער האָט זיך געטוליעט, ווי א קראנק קינד, צו זיין אידעע-פיקס, צו זיין מטורף-געדאנק, און ער האָט ווי אין א פיבער גערעדט וועגען עפּעס אומפארשטענדליכעס און פאנטאסטישעס, האָט מען אים צו רוה געלאָזט. שטעטל האָט שוין געוואוסט, אז דער בעל-דבר איז ניט ביים קלאָרען זינען. קיין "גאוניות" האָט מען על כל פנים אין זיין מטורף ניט געזוכט.

מען האָט אים געקרוינט מיט'ן נאָמען "שטאָט-משוגענער" און — יוצא.

מיר האָבען אבער ב"ה אויך געהאט אין אונזער אידיש וועלטעל האלב-מטורפ'ע פאנטאזיאָרען, וואָס זיינען ביי אונז קיין שטאָט-משוגענע ניט געוואָרען, אָבער מיר האָבען זיי אויך ביי אונז ניט געקרוינט פאר "וועג-ווייזער" און פאר "וועלט-רעטער". צווישען אונז האָבען זיי קיין "חסידים" ניט געהאט. מיר האָבען געוואוסט זייער אמת'ן ווערט, מיר האָבען געוואוסט דעם מקור פון וואנען זייער "גאונות" שטאמט. און גאנץ לייכט האָבען מיר געקאָנט אָבשיילען דאס שאָלעכץ פונ'ם ווילדען קערן. זייערע ווילדע "טעאָריעס" האָבען דעריבער ביי אונז בלויז א גוטמוטיג שמייכעל ארויסגערופען; פון זייערע גע־ניאלע "ענטדעקונגען" האָבען מיר בלויז גוטמוטיג געלאכט.

און געוואוסט האָבען מיר, אז די דאָזיגע נעבעכדיגע פארשוינען זיינען בעצם נאָר נאָהנטע קרובים פונ'ם שטאָט-משוגענעם. ממש לייבליכע קרובים...

געווען זיינען זיי אונזער הויקער. די קינדער אין קינדס-קינדער פון א פאר פויסטען, אין נייסטגער-נעמא פארשפארטען דור. פון אונזערע פיר איילען זיינען זיי ניט ארויס און זיי זיינען פאר קיינעם פון אונז געפעהרליך ניט געווען.

אין ערנסטען פאל זיינען זיי געווען טראגיקאָמיש.

*

און איצט זיינען זיי געוואָרען די טאָג-העלדען און די פירער ביי זיי. דאָרטען קערען זיי איצט וועלטען.

און אָט האָט איר, למשל, איינעם פון פיל. איך געדענקט אים אפשר נאך פון יענע צייטען, ווען אונזער ווילנא איז נאך געווען ירושלים-דליטא און וואָלניע גאס איז געווען דער "אהל של תורה" פאר די געוועזענע ישיבה-בחורים, וואָס האָבען דאָ געשארפט די מוחות און "טעאָריעס" ענטדעקט. בימים ההם האָט זיך באוויזען אייפ'ן ווילנער האָריזאָנט א מאָדנער בחורים-צווילינג, וואָס האָט זיך גענומען צו שאפען א נייע, שפּאָגעל נייע, אידישע שפּראך. זיי האָבען, נעמליך, זיך גענומען אויסמאָרצלען פונ'ם אידישען לשון אלע פרעמדע ווערטער. געדיינק איך ווי מיר האָבען געלאכט אינ'ם קרייז פון אידישע שרייבער פון זייער המצאה צו זאגען דוקא "מעמד-פינטעלע" אנשטאט "שטאנדפּונקט"... פארשטעהט זיך, אז מיר האָבען גלייך פארשטאנען, וואָס פאר "גאונית" שונאי-ציון, עס שטעקט אין דער דאָזיגער נאאיווער האלב-מטורפ'דיגער פלאפלעריי. זייער נייע אידישע שפּראך מיט'ן קאָפּ אראָב און מיט די פיס ארויף האָט ביי אונז קיין "אנהייננער" ניט געפונען. פשוט קיינער האָט עס ערנסט ניט גענומען, מאלע וואָס ישיבה-בחורים מאכען זיך נאריש.

און, שטעלט אייך פאר, אז די דאָזיגע פארשווינדלעך שפּילען איצט א געוואלדיגע ראָליע צווישען פעטראָגראדער אנארכיסטען. ביי זיי זיינען זיי "נביאים" געוואָרען...

אויף פעטראָגראדער גאסען איז אנומלט געווען אויסגעקלעפּט א מורא'דיג שרייענדיגע מודעה, וואָס האָט אָנגעזאָגט דעם פעטראָגראדער עולם די געוואלדיגע בשורה, אז אין א גרויסען זאל וועט פארקומען א מערקווירדיגע לעקציע פון א מערקווירדיגען לעקטאָר אויף א מערקווירדיג-איבעראשענדער טעמא:

— "וועגען פינף אונטערדריקטע"...

און דער לעקטאָר פוילט זיך ניט און איז טאקי אויף דער מודעה גופא פותר די רעטעניש, ווער זיינען זיי עס אָט די "פינף אונטערדריקטע": 1) די פרוי, 2) דאָס קינד, 3) דער ארבייטער, 4) די פערזאָן, און 5) דער... אי-מעריטאריאל...

דער לעצטער "אונטערדריקטער" איז שוין גאָר גאָלע סתירי-תורה. וואָס איז דער טייטש פונ'ם ווילדען וואָרט "אי-מעריטאריאל"? טוט אָבער איינער פון אונז א בליק אויפ'ן נאָמען פונ'ם לעקטאָר ווערט שוין אים קלאָר די גאנצע מטורף'דיגע "תורה". אהא, דאָס איז ער: גאָרדין, די "ברידער גאָרדין", די ענטדעקער פונ'ם "מעמד-פינטעלע", פון דעם שפּאָגעל-נייעם אידיש, במחילה...

אונזער איינער וועט שוין קיין "גאונות" ניט געהן זוכען ביי דעם דאָזיגען "אי-מעריטאריאל".

קומען אָבער מעשה-שטן אויף אזא מין "לעקציע" פרעמדע מענשען און עס פעלט זיי גאָר ניט איין צו טראכטען, אז דער בעל-דרשן ווייסט פשוט ניט, וואָס ער רעדט, אז ער רעדט פראָסט פון וועג...

וואָס הייסט? ער איז ביי זיי איצט דער אָנפירער פונ'ם אנארכיסטישען קלייזעל, וואָס רופט זיך מאקי מיטן נאָמען "פינף אונטערדריקטע". און ס'איז א סברא, אז ער האָט ביי זיי ערפאָלג.

דער געוועזענער פראפאָרשטשיק, דער תמים, דער סאָלדאט, דער פויער פון דאָרף, מיינט גאנץ ערנסט, אז אָט דער גאָרדין איז עס דער טעאָרעטיקער פונ'ם אנארכיזם, וואָס וועט די גאנצע וועלט באגליקען. אגב שטאָמעלט ער בשעת ער פלאפּעלט, דער דאָזיגער אנארכיסטישער אָראטאָר, רוסיש רעדט ער מיטן טיפּישען זאוואלנער אקצענט, דערצו איז ער גאָר א קנאפּער יכול אין דעם "פאָניע'ס לשון". דאָס אָבער גיט נאָך אים צום דעם זיבעטען חן אין זייערע אויגען. ווארום יעדער האָט נאָך אזא גרויסארטיגע "במירה" אויף "רעוואָלוציע" אין מיפוינ'גקיט ווי די עם-סגולה...

ש. שנייפּאל

ד"ר יחיאל טשלענאָוו.

שיטער ווערען די רייהען פון די, וואָס זיינען א צייט-לאנג געשטאנען בראש פון דער ציוניסטישער באוועגונג, זי אָנגעפירט און, אייגענטליך, געשאפען. איינער נאך דעם אנדערען פארלאָזען זיי אונז, אָט די, וועלכע האָבען אין זיך פארקערפּערט די אידישע אויפלעבונגס-אידעע, זייער אייגען לעבען צוזאמענגעגאָסען מיט'ן גורל און גליק פון דער באוועגונג. די אלטע גוואַרדיע שטארבט נאך אייד ער די מלחמה פאר א בעסערער צוקונפט האָט זיך געענדיגט; זי שטארבט ממש אויף די שוועלען פון ארץ-ישראל. אין אנהויב פון מלחמה — דוד וואָלפסאָן, און איצט, צום סוף פונ'ם בלוטיגען קריג — יחיאל טשלענאָוו; צוויי פלאמען פון דערזעלבער ליכט, וואָס האָט דרייסיג יאָר נאכאנאנד באלויכטען די ציוניסטישע וועלט.

ערשט ניט לאנג, אָט דולט זיך מיט איניגע חדשים צוריק האָט טשלענאָוו נאָך געפירט דעם ציוניסטישען צוזאמענפאָר אין פּעטראָגראד, געקעמפט געארבייט, בלייבענדיג אין צענטר פון דער באוועגונג; אָט ערשט איז ער געווען אין קאָפּענהאגען און באלד אין לאָנדאָן אומעטום ארבייטענדיג פאר'ן ציוניזם — און שוין איז ער ניטאָ, שוין געהערט זיין נאָמען צו דער נאָהענטער פארגאנגענהייט. ווער ווייסט, וועמענס טויט איז ביטערער: וואָלפסאָנ'ס צי טשלענאָוו'ס. דער ערשטער איז געשטאָרבען נאך דאן, ווען די פארווירקליכונג פונ'ם ציוניזם האָט אויסגעזעהען צו זיין ווייט-ווייט; דער צווייטער האָט פארלאָזען די וועלט גלייך נאך דער ענגלישער דעקלאראציע, ווען די אידישע פאלעסטינא איז געוואָרען נאָהענט און רעאל. שרעקליך איז דער טויט פאר די טויערען פון א עראָבערטער שטאָט, ביים אָנבליק פון די ערטער, וואוהין דו האָסט אזוי געשטרעבט.

ד"ר טשלענאָוו איז ניט געווען קיין העלד און ניט קיין פירער אין דעם זין, וועלכען מיר זיינען געוואוינט די דאָזיגע ווערטער צו געברויכען בנוגע צו הערצל'ן אָדער אפילו וואָלפסאָן. ס'האָט אים אפט געפעהלט די ברייטקייט, אייגענארטיקייט און אינערע גרויסקייט. ער האָט ניט געשאפען קיין נייע ווערטער און לאָזונגען און ניט באפרוכטפערט די ציוניסטישע וועלט-אנשויאונג מיט נייע אידעען. אויך אלס מיטגליד פון דעם ציוניסטישען אקציאָנס-קאָמיטעט האָט ער ניט פארמאָגט דעם הייליגען פייער און טעמפּעראמענט, מיט וועלכע מען פארכאפּט יונגע נשמות.

ד"ר טשלענאָוו, וועלכער איז אויסגעוואקסען צוזאמען מיט דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, האָט אָבער פארמאָגט אנדערע, ניט וועניגער וויכטיגע מעלות. ער האָט געקענט אר-

בייטען און אנפירען אנ׳א־בייט סיסטעמאטיש, הארציג און רעעל. טשלענאוו האט פארמאגט די רוהיגקייט און זיכערקייט פון א מענשען, וואס געהט זיין וועג מיט שטארקע טריט, ניט אבקערענדיג אין א זייט.

ד״ר טשלענאוו האט ניט בלויז א סך געטאן, נאר אויך א סך אויפגעטאן, א סך פאזיטיוועס געשאפען און ארגאניזירט. די שפורען פון זיין טעטיגקייט דארף מען זוכען ניט אין ביכער אדער רעדעס, נאר אין ממשות׳דיגע ארגאניזאציאנס־מעשים.

און ווען די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט געבושעוועט פון היסיגע שטורמען און די ליידענשאפטען האבען זיך פונאנדערגעפלאקערט ביז גאר, פלעג טשלענאוו, דער מענש, וואס געהט אין מיטען, געפינען דעם ט פשרה־וועג, דעם אויסוועג פון דער פארפלאנטערטער לאגע.

טשלענאוו האט כמעט ניט געהאט קיין פיינד, אבער א סך, סך פריינד. ס׳קאן זיין, אז אינדיווידועלע, שארף־אויסגעקריצטע האראקטערען באטראכטען עס אלס חסרון — פאר טשלענאוו׳ן איז דאס געווען א מעלה און פאר דער ארגאניזאציע אודאי א געווינס. געווים, טשלענאוו האט אויך זיין אייגען וועלטל געהאט, אבער ער האט אויסגעמידען סתירות מיט די איבעריגע וועלטען.

שטענדיג ביי דער ארבייט, תמיד אויף דעם פאסטען, אלעמאל א וויכטיגע ראד אין דער נאציאנאלער באוועגונג, איז טשלענאוו סוף־כל־סוף אויסגעוואקסען אין דעם צווייטען פארזיצענדען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, געווארען דער פאקטישער לייטער פון דער באוועגונג, ווען זי איז אריין אין די ברעגען און אנגעהויבען רוהיג צו אנטוויקלען זיך.

זיין גאנץ לעבען האט ד״ר טשלענאוו אבגעגעבען דער ציוניסטישער באוועגונג, געוועזען איר טרייער, איבערגעגעבענער דינער, געלעבט מיט אירע שמחות און צרות. און פארלירען אים אין אזא צייט, ווען מיר זיך נויטיגען גראד מער ווי ווען־עס־איז אין שאפונגסארבייט איז א שטארקער, אומבארחמנות׳דיגער קלאפ.

די איינציגע נחמה איז נור: אין דעם דור, וואס איז ערצויגען געווארען אונטער טשלענאוו׳ס השפעה זיינען מסתמא פאראן א סך נייע קרעפטען, וואס וועלען געהען זיין וועג.

מ. קערטשער.

ד״ר טשלענאוו׳ס ביאגראפיע.

יחיאל בן זאב טשלענאוו איז געבוירען געווארען אין קרעמענטשוג אין 1863 יאר.

אין די יונגע יארען איז טשלענאוו צוגעשטאנען צו די נאראדניקעס, נאר די פאגראמען פון 1881 יאר האבען אים גענויט ער זאל מקריב זיין אלע כחות דעם אידישען פאלק. נאכ׳ן ערשטען קאנגרעס איז טשלענאוו אריינגעטראטען אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. אין 1898 איז צו טשלענאוו׳ן איבערגעגאנגען די פארוואלטונג מיט די ענינים פון נאציאנאל־פאנד אין רוסלאנד. ווען אויפ׳ן זעקסטען קאנגרעס האט הערצל פארגעלעגט דעם פלאן פון קאלאניזירען אוגאנדע, האט טשלענאוו פארלאזט דעם קאנגרעס־זאל און אים האבען נאכגעפאלגט 128 דעלעגאטען. טשלענאוו האט אנגעשריבען א סך ארטיקלען געגען טעריטאריאליזם. זייענדיג אנ׳אנהענגער פון פאליטישען ציוניזם, האט טשלענאוו געהאלטען פאר נויטיג אויך קולטורעלע און קאלאניזאטארישע ארבעט אין פאלעסטינע. אין 1909 יאר האט ער ארגאניזירט א גרופע קאפיטאליסטען אויף צו גרינדען אין פאלעסטינע א ווירטשאפט אויף ברייטע יסודות. טשלענאוו האט א סך געארבעט פאר דער „פאלעסטינישער געזעלשאפט“.

אין א סך געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס האט טשלענאוו גענומען אנטייל.

ערב דעם פלוצליכען טויט.

אין דער לאנדאנער „צייט“ געפינען מיר פרטים וועגען דעם ווארימען קבלת פנים, וואס ד״ר. טשלענאוו האט געהאט אויף א ספעציעל ארראנזשירטען מיטינג פון פארשטעהער פון ציוניסטישע פאראיינען אין די לעצטע טעג פון נאוועמבער, ווען ער האט זיך אומגעקערט קיין לאנדאן.

ה׳ נחום סאקאלאוו איז געווען פארזיצענדער. אין א גלענצענדער פארם האט ער געגעבען א כאראקטעריסטיק פון ד״ר. טשלענאוו׳ן.

צוערשט האט ה׳ סאקאלאוו גערעדט וועגען פערזאנען־קולט בכלל, און האט אנגעוויזען דערויף, אז ביי אידען איז זינט דער גלות האט זיך אנגעהויבען — אבגעשטארבען דער פערזאנען־קולט, ווייל אין גלות איז דאס אידישע לעבען באשטאנען בלויז פון ווערטער און פון רחמנות און ניט פון מעשים. אין ווערטער קען זיך אויסדריקען דער גייסט פון פאלק אין אלגעמיין, אין מעשים מאניפעסטירט זיך אם שטארקסטען די פערזאן, זיין בעדייטונג און זיין ווערט. ניט האבענדיג

קיין מעשים, האבען מיר אויך ניט געהאט קיין שעצונג פון פערזאנען, אבער מיט דעם רענעסאנס פון דעם אידישען נאציאנאלען לעבען, מיט צוריקקעהרען זיך צו א לעבען פון מעשים, לעבט צוריק ביי אונז אויף דער פערזאנען־קולט, און מיר הויבען אן שעצען די פערזאנען, וועלכע באטייליגען זיך אקטיוו אין דער ווידערגעבורט פון אידישען נאציאנאלען לעבען. אין איינע פון די פערזאנען, וואס ווערען אם שטארקסטען געשעצט איצט ביי אידען איז ד״ר. יחיאל טשלענאוו.

— „די שעצונג פון ד״ר. טשלענאוו — זאגט ווייטער ה׳ סאקאלאוו —, דריקט זיך ניט בלויז אויס אין אכטונג אדער אין באוואונדערונג, נאר אין לעבען. עס איז קוים פאראן איצט א פירער ביים אידישען פאלק, וואס זאל זיין אזוי געליבט, ווי ד״ר. טשלענאוו; און דאס איז געוויס אויך רעכט, ווייל זיין כאראקטער דריקט זיך אויס אין ליבליכקייט, ער גלייכט צו דער לאנדשאפט פון גליל; ער איז ניט אזוי ווי די הויכע שטאלצע בערג פון יהודה: שטרענג, אנגעבלאזען, מיט שארפע קאנטען, נאר ער איז הארציג, ליבליך, צערטליך, ווי די שעהנע מילדע לאנדשאפט פון גליל, באגאסען מיט דער ליכט פון זון, אונטער א ריינעם הימעל.

ה׳ סאקאלאוו שילדערט דאן, ווי ד״ר. טשלענאוו האט געווירקט אויף דעם לעצטען אידישען קאנגרעס, און ווי ער ווירקט איצט אין דער קריטישער צייט פון דער מלחמה, וואס האט אזוי אומברחמנות׳דיג צוריסען דאס אידישע פאלק און אויך די ציוניסטישע באוועגונג. ד״ר. טשלענאוו׳ס כחות זיינען געווען פארווענדעט דערצו, כדי אויפהאלטען זיי צוזאמען.

ה׳ סאקאלאוו ענדיגט: ד״ר. טשלענאוו איז געווען דער ערשטער פארזיצענדער פונ׳ם ערשטען גרויסען ציוניסטישען קאנגרעס אין רוסלאנד, פאר דעם אליין וואלט ער שוין באדארפט זיין ביי אונז א טייערער נאמען, א פשיטא צוליב דער גרויסער אלגעמיינער ארבייט, וואס ער טוט לטובת דער ציוניסטישער באוועגונג.

עס האלטען נאך רעדעס א רייהע ציוניסטישער טוער.

דער עולם פאדערט, אז אחד־העם, וועלכער איז געווען ביים קבלת פנים, זאל רעדען.

— איך ווייס ניט פארוואס איר ווילט, אז איך זאל רעדען. איך געהער ניט צו די פירער, און אויך ניט צו די געפירטע. שבחים האלט איך ניט פאר וויכטיג צו זאגען, חסרונות וואלט איך אנגעוויזען, איז אבער ניט איצט די פאסיגע געלעגענהייט. אויף איין חסרון פון ד״ר טשלענאוו וועל איך יא אנווייזען, ווייל איך באטראכט דעם חסרון פאר א גרויסער מעלה. ד״ר טשלענאוו טראגט שטענדיג ארום ביי זיך א ביכעלע, אין וועלכען ער פארשרייבט יעדע קליינינקייט, וואס ער דארף טון היינט, און וואס ער דארף טון אין א יאר ארום; זיינע חברים האבען שטענדיג געלאכט פון ד״ר טשלענאוו׳ס קליין ביכעלע, זיי האבען געלאכט פון זיין נייגונג צו קליינינקייטען, זיי האבען נאר געוואלט האבען גרויסע זאכען און האבען געלאכט פון יעדער קליינער זאך, פון קליין־קאלאניזאציע און א. וו. זיי האבען ניט איינגעזעהען, אז אהן די קליינינקייטען קענען קיין גרויסע זאכען ניט זיין, און פון דער דורכפירונג פון די קליינינקייטען הענגט אב דער ערפאלג פון די גרויסע אידעען.

איצט איז איבערהויפט געקומען די צייט — זאגט ווייטער אחד העם — ווען מען דארף אויפהערען צו לאכען פון קליינינקייטען, און זיך נעמען דורכפירען די קליינינקע ארבייטען. אלע פארשטעהען, אז די דעקלאראציע פון דער ענגלישער רעגירונג איז נאר א רוים, אין וועלכער מען דארף אריינלעגען אן אינהאלט, און דעם אינהאלט דארפען די אידען אליין אריינלעגען, און נאר דורך דעם, וואס מען וועט זיך רעכענען מיט אלע דעטאלען, מיט אלע איינצעלהייטען און קליינינקייטען וועט מען קענען ברענגען די פארווירקליכונג פון דער אידעע פון גרויסען פאלק. מען דארף צוגרייטען דאס לאנד, בויען קאלאניעס, גרינדען שוהלען און נאך אזוי פיל קליינע ארבייטען זיינען דא צו טהון אין פאלעסטינא.

אחד העם ענדיגט: איך האף, אז ד״ר טשלענאוו האט נאך ביי זיך דאס קליינע ביכעלע און וועט זיך פארצייכענען די פילע קליינע ארבייטען, וואס זיינען דו צו טאן.

ד״ר. טשלענאוו, וועלכער ווערט באגריסט מיט ווארימע אפלאדיסמענטען ענטפערט:

איך האב דא אויסגעהערט א סך שבחים אויף מיין חשבון. גלויבט מיר, אז א קריטיק צו הערען וואלט מיר ליעבער געווען, קריטיק איז נוצליכער נאר קאמפלימענטען זיינען די יסורים, וואס מען מוז מקבל זיין באהבה.

ד״ר טשלענאוו ערקלערט, אז ער האט געבראכט צוויי גרוסען: איין גרוס פונ׳ם קליינעם אקציאנס־קאמיטעט פון די ציוניסטען, און דער צווייטער גרוס פון רוסלאנד. ער שילדערט די ארבייט פון די מיטגלידער פון אקציאנס־קאמיטעט; צוליב דער מלחמה האבען זיי זיך ניט געקענט צוזאמענקומען, אבער, פערזיכערט ער, יעדערער האט אין דעם לאנד, וואו ער האט זיך געפינען געטון דאס בעסטע, וואס איז מעגליך געווען, און געבראכט גרויסע נוצען דאס ציוניזם און דעם אידישען פאלק.

ד"ר טשלענאוו גיט א זעלטען לעבעדיגע שילדערונג פון אלע זייטען פון דעם אידישען לעבען אין יענעם לאנד פאר און נאך דער רעוואלוציע. עס איז ניט געוועזן קיין געקינצעלטע רעדע, עס האט געפעהלט אין איהר יעדע שפור פון מליצה, און דאך איז זי געווען אזוי פארבען-רייך, אזוי הארציג און איינדריקספיל, אז זי האט געקלונגען ווי א נשמה-סימפאניע, וואס נאר איינער, וועלכער האט איבערגעלעבט גרויסע שטורמען און באזיצט א ברייט הארץ מיט טיפע געפילען קען דאס שאפען.

דער קבלת פנים האט זיך געענדיגט מיט א דאנק ד"ר טשלענאוו'ן פאר זיין רעדע.

מיט גרויסע אוואציעס האט זיך דער מיטינג פארמאכט שפעט ביינאכט. קיינער האט דערביי נאטירליך ניט געטראכט, אז דער דאזיגער באנקעט וועט זיין דער לעצטער און די ווערטער פינ'ם וואַרימען קבלת-פנים וועלען קלינגען, ווען זיי וועלען דערגעהען צו אונז, ווי ווערטער פון א הספד.

* * *

די געשעהענישען אויף אוקראינע.

די אנטיסעמיטישע חוואליע אין קיעוו.

שוין מער ווי א חודש, ווי די קיעווער באפעלקערונג געפינט זיך שטענדיג אין דער טויט-סכנה, הויפט-זעכליך די אידען, וועלכע זיינען, ווי תמיד אויך איצט דאס כפרה-הינדעל ניט קוקענדיג אויף דער דעמאקראטיש-רעוואלוציאנערע אֶרד.

נאך פריהער, בעת דאס באלשעוויסטישע מיליטער האט זיך ערשט דערנעהענטערט צו קיעוו האט זיך שוין געפילט א פיינליכע שטימונג, פול מיט שנאה און האס צו אידען. מ'האט דאס באמערקט אומעטום, — אפילו אין דער ראַדע האט זיך דאס געלאזט פיהלען, אמת „אין יענער גליקליכער צייט" האט זיך דאס געמערקט דעליקאט, נאר דורך אנצוהערענישען: „די אידען זיינען באלשעוויסטיש, זיי זיינען געגען א זעלבסטשטענדיגע אוקראינע."

און גלייך דערויף האבען זיך אנגעהויבן די שרעקליכע און פינסטערע טעג, די טעג, וואס זיינען געווען, לויט די ווערטער פון סאלדאטען, נאך ערגער און שידערהאפטער ווי דארטען, אויף די פאזיציעס. טאג ווי נאכט האבען געקנאקט און געדונערט ביקסען און הארמאטען, וואס האבען ניט ווייניג אידישע קרבנות געבראכט, אבגעמעקט פון דער ערד גאנצע אידישע פאמיליעס, ווי, למשל, די משפחה וואלדמאן וואו די גאנצע פאמיליע, פינף מענשען, זיינען דערהרגעט געווארען. און אפילו יענע ארעסטירטע, וועלכע זיינען שוין באפרייט געווארען דורכ'ן שטאב האט זיי אויך ניט אויסגעמידען דער טויט, ווי ס'האט פאסירט מיט'ן פארזיצענדען פונ'ם אידישען מיליטער-פארבאנד, יונה גאגאל, וועלכער איז שפעטער געפונען געווארען א דערשאסענער, א צושניטענער און זיין קערפער האט עדות געזאגט, ווי אזוי מ'האט זיך איבער אים „לוסטיג" געמאכט.

און אויב ס'זיינען א ביסעל קריסטען דערהרגעט געווארען, איז דאס געווען א פאליטישער קאמף, אבער די אידען זיינען שטענדיג געפאלען דערהויפט אלס „זשידעס".

אט האט זיך שוין די באמבארדירונג אויפגעהערט דאס אוקראינישע מיליטער איז אפגעטרעטען. די באלשעוויקעס זיינען אריין אין שטאט מיט א אימפעט, און א רציחה און די אכזריות האט זיך אנגעהויבן אין נאך א גרעסער מאסשטאב: צענדליגער, הונדערטער מענשען זיינען דערשאסען געווארען קעגנטליך, פאר אלעמען אין די אויגען. אמת, דא האט דער מלאך-המות ניט געמאכט קיין חלוק פון אידען ביז קריסטען. אבער אומזיסט וועלען מיר זוכען א נחמה, אז ביי די באלשעוויקעס זיינען אלע געוועזן גלייך: אידען און קריסטען; אויך ביי זיי האט זיך געפילט, אויף טריט און שריט, די שנאה צום „זשיד": אט האבען זיי ארעסטירט א גאנץ הויז, איבער 60 מאן, כמעט בלויז אידען און אויף דעם גאנצען וועג צו דער „טורמע" האט מען זיי ערקלערט, אז מ'וועט זיי, די „זשידעס", דערשיסען, ווייל זיי זיינען קאנטר-רעוואלוציאנערען, אז זיי געבען געלט און האלטען אונטער די „בורזשואזנע ראדע".

געקרעכצט און געזיפצט האט די באפעלקערונג אונטער'ן יאך פון די באלשעוויקעס, וועלכע האבען חרוב געמאכט דעם גאנצען האנדעל מיט זייערע „טיפע" דעקרעטען, וועלכע האבען אמערסטען געטראפען דעם האנדעלס-קלאס, די אידען.

ענדליך זיינען זיי אוועק פון קיעוו. און די שטאט האט געווארט אויף די אלטע בעלי-הבתים. די דומע האט ארויסגעשיקט א דעלעגאציע צו די אוקראאינער, וועלכע האט, אגב, געבעטען פארטיידען זעלבסטגעריכטען און פאגראמען. די אוקראינישע מאכט האט אבער געגעבען א תשובה, אז די ארמיי איז שטארק אויפגעבראכט געגען די אידען, און זי קאן ניט ערב זיין פאר איינצייליגע אנפאלען. צווישען דער דעלעגאציע איז געוועזן א איד, א סאציאליסט, און פון דער אויפנאמע, וואס זיי האבען אים, דעם אידען, געגעבען האט מען שוין געפילט די שטימונג, וואס ס'הערשט ביי זיי בנוגע צו אידען.

פיל מיט פחד און שרעק האט די אידישע באפעלקערונג געווארט אויף די „בעלי-בתים". און דער שרעק איז ניט געוועזן אומזיסט.

די העלדען—די היידאמאקעס, אריינגעהענדיג אין שטאט מיט א „נצחון", געשטיצט אויפ'ן דייטשען „שטיק", האבען באלד זיך א לאז געטון צו די אידען, און ווייטער די אכזריות, אבער שוין גאנץ בולט געגען אידען; אומעטום פראקלאמירען זיי און זאגען בקול רם, און בישה, אז זיי וועלען אלע אידען אויסקוילען. אמת, ס'פאלט אריין אויך א קריסט, אבער דאס איז א טראפען אין ים. די ארבייט מוזען זיי אפען: מ'האפט א אידען [illegible] אלס באלשעוויק און מ'פירט אים אין שטאב, אבער שפעטער געפינט מען אים א טויטען אויף דער „וואלאדימערסקע גארקע", ס'גיהען ארום אפיצערען אויף די גאסען מיט נאגייקעס און שלאגען, טמית'ן אידען. און אין קול ואין עונה. די מאכט שרייבט „פריקאזען", אבער ס'העלפט ניט: זיי טוען ווייטער זייער ווילדע ארבייט.—

דער איינציגער באשיצער איז די שטאט-דומע, וואו ס'איז געגרינדעט געווארען א ספעציעלע קאמיסיע. טאג ווי נאכט שטעהט זי אויף דער וואך און גיט זיך כח ווי ווייט מעגליך צו פארקלענערען דעם אומגליק. א גאנצען טאג זעהט מען אין דער דומע מויטע בלאסע פנים'ער פון אידען וועלכע דערצעהלען: דא האט מען ארעסטירט, דארטען האט מען גערויבט.

שטעהט א איד, וואס איז דורך א נס ניצול געווארען און דערצעהלט.

מ'האט אים מיט נאך דריי ארעסטירט און געבראכט אין באוואוסטען „מאנאסטיר", מ'האט זיי אויסגעטאן און אנגעהויבען מיט די שווערדען שניידען שטיקער פון קערפער, און אז די „אטשערעד" איז אנגעקומען צו אים איז זיי א פנים נמאס געווארען די ארבייט און זיי האבען אים ארויסגעווארפען. און וואס קאן זיין אכזריות'דיג, ווי דער מארד פון די ברידער מייזעל, אינ'ם עלטער פון 16 און 17 יאר. און אויפ'ן פאראל האט מען ביי א אביסק אבגעפירט א יונג מיידעל אין א אנדער צימער און בעת א טייל האט כלומרשט אויסגעפרעגט די הויז-מענשען האט דער צווייטער טייל זי מאנס געווען...

און די „דעזשורנעס", בפרט די אידישע שליחים פון דער קהילה, מוזען הערען: קלינגען אין די „אוטשאסטקעס", זוכען נאך וואו ס'געפינען זיך די אומגליקליכע ארעסטירטע א סך מאל גיט זיך זיי איין אפצוראטעווען, אבער זייער אפט איז צו שפעט: פון דעם אדער יענעם „אוטשאסטאק" ענטפערט מען, אז מ'ווייסט ניט און שפעטער געפינט מען אים א טויטען.

די גרעסטע שרעק און איבערלעבונגען זיינען אויסגעפאלען אויפ'ן פאראל. אין דעם „קיעווער בערדיטשעוו" פילען זיך די היידאמאקעס גאנץ פריי, ראבעווען, מאכען אביסקען און נעמען, וואס זייער הארץ גלוסט. און ווער קלאגט זיך איצט אויף צוראבירטע האב און גוטס; מ'דאנקט גאט, אז מ'האט קיינעם ניט צוגענומען און, אז א.ע. זיינען געבליבען לעבען.

ניט ווייניג מוט ווייזט ארויס אויך די גרוזינער דרושינע, וועלכע האלט ווי ווייט מעגליך אב פון אסך אנפאלען און אזוי גערופענע „אביסקען", ס'העלפען אויך אסך די הויז-קאמיטעטען, וועלכע מאכען א גרויסען ליארם, רופען צוגויף די נאהענטע הויז-שמירות און ראטעווען אסך מאל אב פון רויבערייען און אביסקען, וועלכע ענדיגען זיך געוועהנליך מיט אסך שרעקליכע מארדען.

און דער שווארצער אנטיסעמיטישער טעראר ווערט ניט שוואכער; יעדער טאג ברייגנט נייע קרבנות און ס'איז ניטא ביי וועמען צו בעטען הילף און די וואס קאנען געבען הילף באניגען זיך נור מיט „פריקאזען" און וועלכע זיי „בעטען", מ'זאל ניט באשמוצען די „אייגענע רעפובליק" מיט בלוט.

מיר אליין האלטען עפעס געקאנט טון, ווען ס'וואלט באצייטענס פארווירקליכט געווארען דער געדאנק פון די ציוניסטען אין קיעוו: צו ארגאניזירען די אידישע סאלדאטען באזונדער און שאפען א אידישען פאלק מיט דעם צוועק פון א אידישע מיליטערישע זעלבסטשוץ. דעם געדאנק האבען אבער באקעמפט אנדערע אידישע לינקע פארטייען, וועלכע האבען איצט אודאי חרטה אויף זייער תמימות און אמונה אין דער אוקראינישער דעמאקראטיע. על כל פנים זיינען מיר איצט געבליבען ווי שעפסען, וואס קאנען נור שרייבען, ווען מ'שערט זיי.

10 מארט.

ל.

דער אידישער קיעוו.

שוין זעקס וואכען, זייט דעם גרויסען באלשעוויסטישען אויפשטאנד, ווי דאס אידישע געזעלשאפטליכע לעבען אין קיעוו איז כמעט אינגאנצען אבגעשטעלט געווארען.

מ'זעהט שוין מער ניט קיין אידישע פלאקאטען, אויסרופען און אפישען, מיט וועלכע קיעווער גאסען פלעגען די גאנצע צייט פון דער רעוואלוציע טאג-טעגליך פארפלייצט ווערען. א אידישער מיטינג, א פארזאמלונג, א לעקציע איז איצט כמעט ניט בנמצא.

אין אלע אידישע אינסטיטוציעס איז שא שטיל. ס'קלאפט ניט דער דופק פון לעבעדיגער טעטיגקייט. די נייע אויסגעקליבענע קהלה האט קיין מזל ניט. שוין דריי מאל האט מען זיך געגרייט צו דער פייערליכער ערעפנונג, נאר אלין איז דער שטן מקטרג, און מ'מוז אבלעגען.

דער אידישער סעקרעטאריאט און נאציאנאל-ראט זיינען ווי אבגעשטארבען. אלע אידישע אנשטאלטען זיינען דערשטיקט און אנטוויקלען כמעט קיין טעטיגקייט.

שטארק פארקלענערט געווארען איז אויך די טעטיגקייט פון אלע ציוניסטישע אנשטאלטען. כמעט ווי אבגעשטעלט איז געווארען די ציוניסטישע באוועגונג אין קיעוו. אסך וויכטיגע בעראטונגען, וויכטיגע ציוניסטישע ארבייטען האבען ניט געקאנט פארגענומען ווערען צוליב די געשעהנישען פון דער לעצטער צייט. איבערהויפט פיהלט זיך די אבגעריסענקייט פון דער פראווינץ, מיט וועלכער ס'איז אצינד ניטא קיינע שום פארבינדונג.

אין אזא אטמאספער לעבט איצט די קיעווער אידישע באפעלקערונג.

פון די אידישע גלאסנע.

בירגער אידען!

שווערע טרויעריגע טעג לעבט איצט איבער די קיעווער אידישע באפעלקערונג. קוים זיך באפרייט פון דעם שרעקליכען בירגער-קריג, וואס האט פארפלייצט די שטאט מיט בלוט און מארד, קוים אויפגעאטעמט פון דעם באלשעוויסטישען רויב און גזלה—הויבען אן אין שטאט ווידער זיך צו פארשפרייטען מרה-שחורה'דיגע קלאנגען, א נייע סכנה, וואס שוועבט איבער די אידישע קעפ. אין די אומגליקליכע איבערגאנגס-צייטען, אין דעם פאליטישען בין השמשות, ווען עס ביים זיך, דורך שפיז און שווערד, די מלוכה אין לאנד און די הערשונג געהט איבער פון איין רעגירונג צו דער אנדערער—דאמאלס קענען פארקומען טרויעריגע עקסצעסען און אנפאלען פון איינצענע מענשען אדער גרופען מיט נידריגע אינסטינקטען, וואס נוצען אויס די פינסטערניש צוליב מערדערישע און רויבערישע צוועקען. אין אזא צייט פאלען אידען אלס די ערשטע קרבנות.

אין דעם דאזיגען מאמענט ווענדען מיר זיך צו אייך, מיר, אידישע גלאסנע, צו אייער פארטרויען און ערקלערען אייך:

אַלע הויפּטיגע אוקראַינישע פּאַרטייען פירען אַ סיסטעמאַטישען קאַמף קעגען דער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע פון די שוואַרצע כחות. אַלע רעגירונגס־פאַרשטעהער פון דער אוקראַינישער רעפּובליק, די איינציגע מאַכט איצט אין לאַנד, האָבען געגעבען די פעסטע פאַרזיכערונג, אז קיין שום פּאָגראָמען וועלען זיי ניט דערלאָזען און אַלע מיטלען וועלען זיי אָנעמען, כדי צו אונטערדריקען די אַנטיסעמיטישע שטימונג און די פּאָגראָם־אַגיטאַציע, וואָס פינסטערע עלעמענטען באַמיהען זיך צו פאַרשפּרייטען.

די אידישע גלאַסנע, אין לעבענדיגע־צוזאַמענבונד מיט דער שטאָט דומע, האָבען געגרינדעט אַ קאָמיסיע, וואָס שטעהט אויף דער וואַך פון די אידישע אינטערעסען. אין אַלע אומגליקליכע פאַלען פון אַרעסטען אָדער אָנפאַלען זאָל זיך די אידישע באַפעלקערונג מיט פולען צוטרויען צו אונז ווענדען. מיר וועלען אָנעמען אַלע מיטלען, כדי צו פאַרקלענערען דעם צער און העלפען וויפיל מיר וועלען קאָנען.

מיר פאָדערען פון דער אידישער באַפעלקערונג, אז אָהן דעם וויסען פון דער קאָמיסיע זאָל קיינער זיך ניט ווענדען צו קיין שום רעגירונג אָדער מיליטער־פאַרשטעהער, כדי ניט צו שטערען אונזער אַרבעט, חוץ דורך דער קאָמיסיע און מיט איר וויסען.

די קאָליסיע האַלט אָפּ דעזשורסטווע טאָג און נאַכט אין דער געבײַדע פון דער דומע, טעלעפאָן 12—1 און 57—91.

מיר פאָדערען אויף די באַפעלקערונג, זי זאָל ניט פאַרגרעסערען די פּאַניק און דעם שרעק דורך אומבאַגרינדעטע קלאַנגען און ידיעות. אַלץ, וואָס איז דאָ אין דער מענשליכער מעגליכקייט, וועט ווערען געטהון.

פון דער קיעווער קהלה.

אין אַ שווערען און טרויעריגען מאָמענט ווענדט זיך צו אייך דער ראַט פון דער קיעווער אידישער קהלה, וואָס איז אויסגעקליבען דורך אייך אַליין, דורך היבריישע דעמאָקראַטישע אידישע פאָלקס־מאַסען, וועלכען איר האָט אָנפאַרטרויט דעם שוץ פון אייערע אידיש־נאַציאָנאַלע אינטערעסען.

נאָך דעם געפערליכען וואָכען לאַנגען באַלאַגערונגס־צושטאַנד, ווען שרעק און אַנגסטען האָבען געשוועבט איבער דער גאַנצער שטאָט און דער טויט האָט געלויערט אויף יעדען טריט, נאָך דעם אָנפאַל פון די באָלשעוויקעס, וואָס האָבען באַהערשט די שטאָט מיט שווערד און שפּיז, האָט זיך איבער דער אידישער באַפעלקערונג אויסגעגאָסען אַ נייע סכנה, דאָס מאָל שוין אַ ספּעציעל אידישע. די באַפרייונג פון דעם באָלשעוויסטישען יאָך איז פאַרפינסטערט געוואָרען דורך ווילדע אָנפאַלען פון שוואַרצע כחות. די גיפטיגע שלאַנג פון פּאָגראָם־אַגיטאַציע צוגיסט זיך איבער דער אומגליקליכער שטאָט.

אין דעם מאָמענט האַלטען מיר פאַר אונזער חוב צו ערקלערען:

ברידער, זייט וויסען, אז אין די דאָזיגע שענדליכע אָנפאַלען איז ניט שולדיג די נייע אוקראַינישע רעגירונגס־מאַכט, וואָס איז ערשט ווידער אַריין אין שטאָט. מיט אַלע מיטלען באַמיהען זיך די פאַראַנטוואָרטליכע פירער פון די פּאָליטישע אוקראַינ. פּאַרטייען צו דערשטיקען די פּאָגראָם־שטימונג. אַלע פאַרשטעהער פון דער אוקראַינישער מיליטערישער און רעגירונגס־מאַכט האָבען געגעבען די פעסטע פאַרזיכערונג, אז זיי וועלען צו פּאָגראָמען נישט צולאָזען און וועלען שטרענג באַשטראָפען די איינצעלנע שענדליכע רויבער און מערדער, וואָס לאָזען זיך באַמערקען דורך נידריגע אינסטינקטען.

צוזאַמען מיט דער שטאָט־דומע און ענגען צוזאַמענבונד מיט איר, האָט אונזער קהלה־ראַט אויסגעקליבען אַ קאָמיסיע, וואָס האַלט אָב אין דומע טאָג און נאַכט דעזשורסטווא. וועגען אַלע אומגליקספאַלען ווענדט זי זיך צו אַלע באַפולמאַכטער פון דער אוקראַינישער מאַכט און באַמיהט זיך מיט אַלע מעגליכקייטען צו העלפען און פאַרגרינגערן דעם צער. צו די מיטגלידער פון דער דאָזיגער קאָמיסיע זאָלען זיך אַלע ווענדען מיט פולען צוטרוי. (טעלעפאָנען נומער 12 1. 91=75; 29־58, פּאָדאָל 95=46).

מיר פאָדערען פון דער אידישער באַפעלקערונג, אז זאָל זיך אָהן דעם וויסען פון דער קאָמיסיע צו קיין שום רעגירונגס־פאַרשטעהער נישט ווענדען. אַלץ דורך דער קאָמיסיע און מיט איר וויסען.

שווער און טרויעריג איז די איבערגאַנגס־צייט, ווען עס בויען זיך די מלוכה פאָרמען און רעגירונגס־אַפּאַראַטען, אַסך טרויעריגער און געפערליכער איז זי אָבער פאַר אונזער פאָלק, וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך די די שנאה פון דורות און עפּאָכען. און די דאָזיגע שווערע צייט פאָדערט אַ באַזונדערען פּאָליטישען טאַקט און באַזונדערע פאָרזיכט.

פאַרשפּרייט נישט קיין פּאַניק, טוט נישט קיין שום נישט באַקלערטע שריט אַליין, אין יעדען פאַל ווענדט זיך צו דער קאָמיסיע.

שווער איז די צייט, אָבער שטאַרק איז אונזער פאָלק

א אידישע דעפּוטאַציע.

פאַריגער וואָך האָט דעם פאָרזיצער פון אוקראַינישע מיניסטאָרען־ראַט ה. א. גאָלובאָוויטש באַזוכט אַ אידישע דעלעגאַציע, אין וועלכער ס'האָבען גענומען אַנטייל פאַרשטעהער פון אַלע פראַקציעס פון דעם קיעווער קהלה־ראַט ציוניסטען סירקין, בונד — מראַשון, פאַראייניגטע — שאַין; פועלי־ציון — רעוואַצקי, פאָלקס־פּאַרטיי — יהדין.

די דעלעגאַציע האָט באַגריסט די צוריקגעקומענע אוקראַינישע מאַכט און האָט איבערגעגעבען דעם מיניסטער אַ מעמאָראַנדום, אין וועלכען ס'ווערט אַנגעוויזען אויף די שרעקליכע רציחות איבער דער קיעווער אידישער באַפעלקערונג און אויסגערעכענט די צאָל קרבנות, וואָס די אידישע באַפעלקערונג האָט געגעבען פון'ם 1־טען ביז'ן 4־טען מאַרט.

גאָלובאָוויטש האָט באַרוהיגט די דעלעגאַציע און ערקלערט, אז די פאַרגעקומענע איינצעלנע פאַלען פון רציחה האָבען זיך גענומען דערפון, וואָס אין די ערשטע טעג איז נאָך ניט געווען קיין איינגעשטעלטער מלוכה־אַפּאַראַט; איצט אָבער זייען אַנגענומען געוואָרען אַלע מיטלען אויף אונטערצודריקען אַלע גוואַלדטאַטען.

דער מיניסטער האָט געדאַנקט פאַר דער באַגריסונג פון דער אידישער באַפעלקערונג און פאַרזיכערט, אז דער קורס פון דער פּאָליטיק בנוגע צו דער אידישער פראַגע וועט ניט געענדערט ווערען.

אין'ם קהלה־ראַט.

דער קיעווער אידישער קהלה־ראַט איז שוין צוגעטראָטען צו פּראַקטישער אַרבעט. דעם 10־טען מאַרט איז פאַרגעקומען די ערשטע געשעפט־זיצונג, אויף וועלכער אַלס פאָרזיצער פון'ם קהלה־ראַט איז אויסגעקליבען געוואָרען ה׳ מ. נ. סירקין.

אין דער ציוניסטישער וועלט.

דער שקל.

דער מרכז האָט באַשלאָסען, אז אין משך פון פסח זאָל מען אומעטום פאַרקויפען שקלים. עס וועט וועגען דעם אין גיכען פונאַנדערגעשיקט ווערען א צירקוליאַר מיט גענויע אינסטרוקציעס.

„פּאַלעסטינער פּאָליטעכנישע געזעלשאַפט“.

אין מאָסקווע האָט אַ גרופּע אידישע אינזשענערען געגרינדעט אַ געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך אוועקגעשטעלט פאַר אַ ציל צו אַנטוויקלען אין ארץ־ישראל לאַנד־ווירטשאַפט, ערד־אַרבייט און אינדוסטריע. דעם 7־טען יאַנואַר איז פאַרגעקומען די ערשטע אָרגאַניזאַציאָנס־פאַרזאַמלונג, אין וועלכער עס זיינען אָנגענומען געוואָרען די סטאַטוטען פון דער געזעלשאַפט. לויט די דאָזיגע סטאַטוטען, קאָנען זיין ווירקליכע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט יענע פּערזאָנען, וועלכע אַרבייטען אויף פאַרשידענע געביטען פון דער פּאַלעסטינישער אינדוסטריע, אָדער וועלכע זיינען ביכולת צו רעאַליזירען די אויפגאַבען פון דער געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל. די, וואָס פילען בלויז מיט די צילען פון דער געזעלשאַפט, ווערען פאַררעכענט פאַר סתם מיטגלידער.

די געזעלשאַפט רעכענט צו עפענען אין גיכען אָבטיילונגען אין פאַרשידענע גרויסע שטעט פון רוסלאַנד און אויך אַריינגעהן אין באַציהונגען מיט אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע עקזיסטירען שוין אָדער וועלען נאָך געגרינדעט ווערען אין אויסלאַנד. דער אַדרעס פון דער געזעלשאַפט:

מאָסקווע, מאַראָסייקאַ, קאָסמאָדעמיאַנאָווסקי פּערעאולאָק, הויז נומ. 10, וואָהנ. 8.

ציוניסטישע אויסגאַבען.

ניט קוקענדיג אויף די גרויסע טעכנישע שוועריגקייטען און אויף דעם אונגעהויערען יקרות פון פּאַפּיר און דרוק־אַרבייט, זיינען דאָך די לעצטע צייט ערשינען פיל ציוניסטישע בראָשורען. אויסער דעם האָבען פיל אָרטיגע אָרגאַניזאַציעס אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען אייגענע אָרגאַנען. אין מינסק ערשיינט די צייטונג פונ'ם מינסקער ראַיאָן־קאָמיטעט: „דער ייד“; אין אָדעס — דער אָרגאַן פון די ראַדיקאַלע „פּועלי־ציון“: „אחדות“ (אויף רוסיש); אין חארבין א זשורנאַל פונ'ם ראַיאָן־קאָמיטעט „דאָס אידישע וואָרט“ (אויף רוסיש), אין ראָסטאָוו: „מיר יעווריעיסטוואַ“ און פיל אַנדערע. עס ווערען אָנגענומען מיטלען, אז אייניגע רוסישע ציוניסטישע זשורנאַלען זאָלען קאָנען ערשיינען אין אידיש.

דער מרכז און פּאַלעסטינאַ־אַרבייט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ענגלישער דעקלאַראַציע איז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד צוגעטראָטען צו דער דעטאַלער בעאַרבייטונג פון די פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט דער פאַרשטעהענדער פּאַלעסטינער קאָלאָניזאַציע. א באַזונדערע קאָמיסיע פון ספּעציאַליסטען איז באַשעפטיגט מיט'ן אויספאָרשען אַלע באַדינגונגען אויף איינאָרדנען דאָס מלוכה־לעבען אין פּאַלעסטינע.

דער אויסערגעוועהנליכער אינטערעס, וואָס ס'ווייזט איצט אַרויס דער אידישער קאַפּיטאַל צו פּאַלעסטינע, רופט אַרויס די נויטווענדיגקייט צו שאַפען אַ פּאַלעסטינישע האַנדעלס־פּאַלאַטע, וועלכע זאָל פאַראייניגען אַ״ע התחלות אויפ'ן אינדוסטריעלען און האַנדעלס־געביט. די פּאַלעסטינישע האַנדעלס־פּאַלאַטע רעכענט שיקען קיין ארץ־ישראל אַ ספּעציעלע וויסענשאַפטליכע עקספּעדיציע, וועלכע וועט דעטאַליך אויספאָרשען די עקאָנאָמישע מעגליכקייטען.

איינע פון די וויכטיגסטע און טייערסטע אויפגאַבען איז צוגרייטען קאַדרען פון אינסטרוקטאָרען, וואָס זאָלען אויסלערנען די אידישע אַרבעטער זייערע מלאכות. צו דעם צוועק ווערט געלענט באַזונדערעם אויפמערקזאַמקייט אויף די גרופּען פון „החלוץ“, וועלכע געהלען שוין עטליכע טויזענד מענשען און אַסך אָרגאַניזאַציאָנס־קרעפטען.

די גרויסע סומען, וואָס זיינען נויטיג פאַר דער פּאַלעסטינער באַוועגונג, ווערען געדעקט דורך די גרויסע נדבות, וואָס עס ברענגען אַלע שיכטען פון אידישען פאָלק.

דער אידישער נאַציאָנאַל־פאָנד.

די הכנסות פונ'ם אידישען נאַציאָנאַל־פאָנד פאַר נאָוועמבער 1917 באַטרעפען אין פראַנקען (פראַנצויזישע) 146.941 לויט דעם לעצטען קורס. די סומע פאַרטיילט זיך צווישען אויף פאָלגענדע לענדער: רוסלאַנד — 60138 רוב., עסטרייך—38094

קראָנען, די פאַרנומענע דורך די עסטרייכער רוסישע געגענדען—6542 קראָנען, צפון-אַמעריקע—6795 דאָלאַר, דייטשלאַנד—6174 מאַרק, די פאַרנומענע דורך די דייטשען פונקטען פון ליטע און פוילען—5172 מאַרק, אַרגענטינע—3347 פעז, האָלאַנד—1477 פלאָרין, ענגלאַנד—7882 פונט סטערלינג, שווייץ—1748 פראַנק, דרום-אַפריקע—67.17.6 פונט סטערלינג, אונגאַרן—1324 קראָן, בעלגיען 529 פלאָרין, עגיפטען—4386 פיאַסטאָס, פראַנקרייך—7562 פראַנק, ניי-זעלאַנד—29.4.10 פונט סטערלינג, גריכענלאַנד—439 פראַנק, שפּאַניען—300 פראַנק, שוועדען—76 קראָן.

דער אידישער נאַציאָנאַל-פאָנד האָט פאַר דער לעצטער צייט ערהאַלטען עטליכע גרויסע נדבות, למשל: איין פערזאָן פון עסטרייך האָט געשענקט 30000 קראָן און ה' ג. געדעלמאַן פון אַלטמעלא (האָלאַנד)—7500 פלאָרין אויף צו בויען הייזלאַך פאַר אַרבעטער. ווייטער האָט ה' ברוק נאַציאָנאַלי פון בערן זיך אַסעקורירט ביי באַזעלער אַסעקוראַנץ געזעלשאַפט לטובת דעם יער הערצל אויף 10000 פראַנק. ס'איז אויך געשלאָסען צוויי לעבענס-פאַרזיכערונגען לטובת דעם איד. נאַצ.-פאָנד אין אַ דייטש פּראָווינציעל שטעטל אויף 10000 און 5000 מאַרק. אַחוץ דעם האָט דעם איד. נאַצ.-פאָנד איבערגעלאָזט 2000 לירעס דער יונגער איטאַליענישער ציוניסט קווינטאָ סענגאַגליאַ, וועלכער איז געפאַלען אויפ'ן קאַמף-פלאַץ.

פונ'ם ציוניסטישען מרכז.

דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד האָט באַשלאָסען צו באַשטימען איין אַדרעס פאַר אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד. איין אַדרעס פאַר בריף און איין אַדרעס פאַר טעלעגראַמען.

דער טעקסט איז פאָלגענדער:

פאַר בריף:

Городскому или Районному Комитету
Сіонистской Организаціи.

פאַר טעלעגראַמען:

„СІОНЪ".

דער מרכז פאָדערט פון אַלע ביוראָען, אַז זיי זאָלען וועגען דעם מודיע זיין תיכף אין די אָרטיגע פּאָסט אַמטען.

די ציוניסטישע אַרבייט אין בולגאַריען.

די לעצטע צייט האָט זיך די ציוניסטישע באַוועגונג אין בולגאַריען זעהר פאַרשטאַרקט. עס ווערען דאָרט איצט אָנגענומען אַ ריהע מיטלען צו פאַראייניגען אַלע ציוניסטישע גרופען און קרייזען אין איין אָרגאַניזאַציע, וועלכע וועט אַרויסטרעטען פאַר דער רעגירונג מיט באַשטימטע פאָדערונגען. דאָס גאַנצע אידישע לעבען אין בולגאַריען ווערט אָנגעפירט דורכ'ן באַוואוסטען אידישען פּאָליטישען טוער און אָנפירער פון די ציוניסטען קאַרל הערבסט. ניט לאַנג האָט ער אַרויסגעלאָזען אַ זאַמלונג: „דאָס 20-יאָריגע יובילעאום פונ'ם ציוניזם". בכלל אינטערעסירט זיך איצט מער די בולגאַרער געזעלשאַפט מיט די אידישע פּראָבלעמען און דעריבער איז באַשלאָסען געוואָרען אַרויסצולאָזען אַ בוך וועגען דער אידען-פראַגע.

דער פּאַלעסטינא אַרבייטער-פאָנד.

די צענטראַלע קאָמיסיע פונ'ם „פּאַלעסטינא אַרבייטער-פאָנד" פון דער אידישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבייטער פּאַרטיי (פּועלי ציון) האָט אָנגעהויבען פירען אַ ברייטע טעטיגקייט פאַר'ן פּאַלעסטינא-אַרבייטער-פאָנד. די קאָמיסיע אָרגאַניזירט איצט אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב די זאַמלונגען און סיסטעמאַטיזירט בכלל די אַרבייט פאַר'ן פאָנד. זי האָט זיך איצט געווענדעט מיט אַ הייסען אויפרוף צו אַלע אָרגאַניזאַציעס, חברים און מיטפילענדע, זיי זאָלען איר העלפען אין דער וויכטיגער אַרבייט צו באַפעסטיגען דעם אידישען אַרבייטער אין זיין קאַמף אין פּאַלעסטינא.

באַזונדערס מאַכט די קאָמיסיע אויפמערקזאַם אויף דער ספּעציעלער אַבטיילונג, וואָס איז געשאַפען געוואָרען ביים פּ. אַ. פ. צו בויען אַן אַרבייטער-היים אין פּאַלעסטינא אויף באָראָכאָווס נאָמען.

די גאַנצע אידישע אַרבייטערשאַפט, די גאַנצע אידישע דעמאָקראַטיע דאַרף מיט אַלע כחות שטיצען די וויכטיגע אַרבייט פון „פּאַלעסטינא אַרבייטער פאָנד".

דאָס געלט פאַר'ן פאָנד דאַרף געשיקט ווערען אויף דעם אַדרעס פון קאַסיר:

И. С. ЕСЕЛСОНУ, Москва, Б.-Козихинскій 22—17.

אַ אידישע קאָלאָניזאַציאָנס-געזעלשאַפט.

אונטער פאָרזיץ פון ד"ר נאָלדבלאַט איז אין וואַרשעווער „מרכז" פאָרגעקומען אַ באַראַטונג וועגען גרינדען אַ אידישע קאָלאָניזאַציאָנס-געזעלשאַפט.

ה' פּלאַטאַ האָט אָנגעוויזען, אַז דער ציל פון דער געזעלשאַפט איז—צו גרינדען גאָרטען-שטעט און מוסטער-קאָלאָניעס אין ארץ-ישראל אויף געזעלשאַפטליכע יסודות.

נאָכדעם, ווי עס האָבען גערעדט איניגע רעדנער איז געוועהלט געוואָרען אַ צייטווייליגער קאָמיטעט פון די ה"ה: ראָטמאַן יוסף אַוריסאָן, ד"ר נאָלדבלאַט און סכאַל פּליטאַ.

צום סוף האָבען זיך פאַרשריבען אַ גרעסערע צאָל מיטגלידער אין דער געזעלשאַפט.

פּישאָן און פּאַלעסטינא.

דער פאַרשטעהער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ה' סאָקאָלאָוו, וועלכער האָט ניט לאַנג באַזוכט פּאַריז, איז אויפגענומען געוואָרען דורך דעם פראַנצויזישען אויסערן-מיניסטער פּישאָן.

פּישאָן האָט פאַרזיכערט, אַז ענגלאַנד און פראַנקרייך זיינען פאָלשטענדיג איינשטימיג מיט ענגלאַנד אין דער פראַגע וועגען פּאַלעסטינא פאַר'ן אידישען פאָלק.

ציוניסטען און די גמינע-וואַהלען.

פון וולאָצלאַוועק (פּוילען) טעלעגראַפירט מען דעם ציוניסטישען ביוראָ אין וואַרשוי, אַז בעת די געמיינדע-וואַהלען זיינען געוועהלט געוואָרען 2 ציוניסטישע ראַדנעס (פון 4) און 3 ציוניסטען-קאַנדידאַטען.

אין דער פּאַלעסטינישער קאָמיסיע.

דעם 7-טען יאַנואַר איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער פּאַלעסטינישע קאָמיסיע ביי דעם צ. ק. פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אויף וועלכער ס'זיינען באַהאַנדעלט געוואָרען איניגע וויכטיגע פראַגען.

צווישען אַנדערע פראַגען איז באַהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע וועגען „הבונה", וועלכע צעהלט שוין 81 אַקציאָנערען מיט 101 אַקציעס אויף אַ סומע פון 5050000 רובל, פון וועלכע 515000 זיינען שוין איינגעצאָלט. ס'איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז „הבונה" פאַרנעמט זיך די ערשטע צייט דער עיקר מיט בויען אין ארץ-ישראל וואוין-הייזער פאַר פּריוואַטע מענשען, האָטעלען, געזעלשאַפטליכע געביידע א. א. וו. ס'ווערט אויך אָנגענומען אַ באַשלוס אויסצואַרבעטען אַ פּלאַן פון צוגרייטען אידישע טעכנישע כחות, אינסטרוקטאָרען און ספּעציאַליסטען.

וועגען גרינדען אַ פּאַלעסטינישע האַנדעלס-פּלאַטע איז אָנגענומען אַ באַשלוס צו באַפּאָלמעכטיגען ה"ה י. ד. ברוצקוס פירען אונטערהאַנדלונגען מיט דער איניציאַטיוו-גרופּע פאַר דער עקאָנאָמישער אויפלעבונג פון פּאַלעסטינע, וועלכע האָט זיך געבילדעט אין פּעטראָגראַד.

ציוניסטישער פּראָגרעסיווער שטייער.

ביי יעדען אָרטיגען ציוניסטישען קאָמיטעט ווערט געגרינדעט אַ ספּעציעלע פינאַנץ-קאָמיסיע, וועלכע שטעלט זיך די אויפגאַבע דורכצופירען אין לעבען דעם באַשלוס פונ'ם 7 טען אַלרוסלענדיר ציוניסטישען צוזאַמענפאָר וועגען ציוניסטישע פּראָגרעסיווען שטייער.

די גרויס פון די שטייערען איז פאָלגענדע: ביי יערליכער הכנסה ביז 600 רובל דאַרף מען צאָלען 2 רובל יערליך. פון 600 ביז 900 — 3 רובל א. א. וו. דער גרעסטער אָבצאָל איז ביי יערליכער הכנסה פון 17000—18000 — 560 רובל.

ביי הכנסה העכער פון 18000 רובל צאָלט אָב יעדער שקל-צאָלער דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַ העלפט פון דער סומע, וואָס ער צאָלט לויט דעם מלוכה'שען פּראָגרעסיווער שטייער.

מאַקסימיליאַן האַרדען וועגען ציוניזם.

דער באַוואוסטער דייטשער פּובליציסט מאַקסימיליאַן האַרדען האָט אין דעם יאַנואַר-נומער פון זיין זשורנאַל „צוקונפט" אָבגעדרוקט אַן אַרטיקל אונטער'ן נאָמען „צווישען צוויי וועלטען", אין וועלכען ער באַהאַנדעלט די פראַגע וועגען ציוניזם אין צוזאַמענהאַנג מיט די לעצטע ענגלישע ערקלערונגען.

האַרדען זאָגט זיך אַרויס לטובת דעם ציוניזם און געפינט, אַז ס'איז גאַנץ מעגליך צו באַקומען די הסכמת פון אַלע פעלקער פאַר די ציוניסטישע פּלענער. מאַקסימיליאַן האַרדען ווייזט אויך אָן דאַרויף, אַז זעהר גינסטיג פאַר'ן ציוניזם איז די אַנערקענונג פון דער ענגלישער רעגירונג און דער ענגלישער פּרעסע, אַז די פאַרווירקליכונג פונ'ם ציוניזם איז נוצליך פאַר ענגלאַנד גופא.

אגב באַריהרט האַרדען אויך די פראַגע וועגען אַסימילאַציע און קריטיקירט שאַרף דעם אַנטיציוניסטישען שטאַנדפּונקט.

די נייע קהלות.

אין מגלין (טשערניגאָוו, גוב.) זיינען פאָרגעקומען די קהלה-וואַהלען. צו די וואַהלען זיינען געקומען ביי אַ 60 פּראָצענט וועהלער. פון 26 קהלה-מיטגלידער זיינען אויסגעקליבען געוואָרען 18 ציוניסטען, 5 אומפּאַרטייאישע און 8 בעלי-מלאכות.

אין איסקאָראָסט (וואָל. גוב.) האָט זיך געגרינדעט אַ קאָמיסיע צו אָרגאַניזירען די וואַהלען צום אָרטיגען צוזאַמענפאָר, דאָס רוב מיטגלידער פון דער קאָמיסיע זיינען ציוניסטען.

די וואהלען צום אידישען צוזאמענפאר.

ערטער.	צאל שטימען.					
	ציוניסטען	ארטאדאקסען.	פאלקס-פארטײַ.	פאראײניגטע.	בונד.	פועלי-ציון.
פעטראגראד	1891	890	—	314	—	213
כארקאוו גוב.	5050	1528	903	458	1077	1078
מאהיליעוער גוב.	829	228	7	99	730	270
פאר. גוב.	3848	728	—	780	511	414
טווער. גוב.	251	—	—	16	37	36
לובאן (מינסק. גוב.)	100	—	19	—	20	100
קושאן (בעס. גוב.)	525	116	—	—	120	282
פאגרעבישטש (קיעוו. גוב.)	381	69	1	1	—	287
קאנסטאנטינאגראד	412	69	2	112	21	110
חאראל	476	214	12	71	45	153

ציוניסטישע דעלעגאַטען אויפ'ן אי״ד. צוזאַמענפאָר.

אַלס דעלעגאַטען אויפ'ן אי״ד. צוזאַמענפאָר זײַנען לעת עתה שוין אויסגעקליבען געוואָרען די פאָלגענדע ציוניסטען: ב. גאָלדבערג, י. נײַדיטש, א. פּאָדלישעווסקי, י. ראָזאָוו, מ. אוסישקין, מ. אָלײניקאָוו, י. ברוצקוס, ש. עפּשטײַן, א. אידעלסאָן, ל. מאָצקין, ש. יאַנאָווסקי, צ. בעלקאָווסקי, י. גרינבוים, א. זאַלקינד, ה. יאָפע, א. ברודני, ש. אײַזענשטאַדט, ל. לעווינסאָן, א. מושניק, ה. פּערטוגאַלאָוו, י. מערעמינסקי, י. ווילענטשוק, י. מאַזע, ח. נ. ביאַליק ל. יאָפע, ל. טשערניקאָווער, ה. זלאַטאָפּאָלסקי, נ. קאַצענעלסאָן, י. קלויזנער, א. קאַפּלאַן, ל. ווילענסקי, וו. יאַקאָבסאָן, פ. מאַרעק, י. לעווענטין, א. רודניצקי, נאָוואָמײַסקי, מעלגונאָוו, כהן, דיבין, בראַוועס, ראַוויקאָוויטש, קויפמאַן, גוראַק, קיסין, יעווזעראָוו, לוריע, גיטעלסאָן און אמדורסקי.

בריף פון קרים.

די וואַלען אין די קהלות.

(פון אונזער קאָרעספּאָנדענט).

נאָך פאַר דער רעוואָליוציע, אין דער מלחמה צײַט, ווען דער קאָראָבקע, דער אײנציגער הכנסה-מקור פון קהלה איז חרוב געוואָרען, האָט מען אָנגעהויבען בײַ אונז טראַכטען מכח איבערבויען אויף נײַע יסודות די קהלה. אין אײניגע ערטער (פעאָדאָסיע, סימפעראָפּאָל, באַחטשיסאַרײַ) האָבען זיך געגרינדעט אונטער דער פאָן פון די חברות „עזרת לעניים" צענטראַלע אָרגאַנען, וועלכע האָבען פאַקטיש אונטערגעהאַלטען אַלע אנשטאַלטען, אָרגאַניזירענדיג אַן אַלגעמײנעם פינאַנסיעלען אָרגאַן. אין פעאָדאָסיע למשל האָט מען דורכגעפירט די זעלבסט-באַשטײַערונג, וועלכע האָט געדעקט אַלע הוצאות פון דער קהלה. אַדאַנק דעם, וואָס יעדער קהלה האָט געמוזט נעמען אַן אַנטײל אין די הוצאות אויף די הײמלאָזע, וואָס זײַנען געקומען אין קרים ביז 15,000 טויזענט האָט די אידישע באַפעלקערונג ברײט געגעבען געלט.

נאָך דער רעוואָלוציע האָט מען אומעטום אויסגעקליבען צײַטווײַליגע קאָמיטעטען, אָבער די קאָמיטעטען האָבען ווײניג וואָס געקענט אויפטאָן צוליב פאַרטײַ-רײַבונגען, וועלכע האָבען געשטערט יעדער אַרבײַט. אַלע אַנשטאַלטען האָבען דערפון שטאַרק געליטען, ווײַל דער אידישער בעל-הבית, וואָס איז ביז איצט געווען דער גאַנצער עוסק אין די קהל-געשעפטען איז אַוועק, ניט וועלענדיג אָנערקענען די מאַכט פון דעם „המון", ווי זיי רופען די מאַסע. סוף-כל-סוף האָט מען אָנערקענט, אַז מען מוז גרינדען די קהלה, נאָר מען האָט זיך אַלץ ניט געקענט צונויפרעדען, כדי צו קלײַבען אַפילו טעכנישע קאָמיסיעס, וואָס זאָלען אויסאַרבײַטען אַ גאַנצע געזעצען און דורכפירען די בחירות.

נאָר ווען דער ערשטער ברען פון דער רעוואָלוציע איז אַריבער, זײַנען אַלע פאַרטײַען געוואָרען אַביסעל מער טאָלעראַנט צו זײַערע פאַרטײַ—געגנער און די טעכנישע קאָמיסיעס זײַנען, למזל טוב, אויסגעוועהלט געוואָרען. די ברײטע שיכטען פון פאָלק זײַנען אָבער געשטאַנען פון דער ווײַטענס און נאָר אַדאַנק דער פאַרטײַ-אַגיטאַציע האָט זיך אײַנגעגעבען צו דערוועקען אַ אינטערעס צו די וואַהלען.

אין פעאָדאָסיע האָבען אַנטײל גענומען ביז 53 פּראָצ. פון אַלע וועהלער. אין סימפעראָפּאָל 45 פּראָצ. דאָס זעלבע בערך אין מעליטאָפּאָל, אין בערדיאַנסק, יאַלטאַ, באַחטשיסאַרײַ, אין אַלושטאַ.

בעת די וואַהלען זײַנען פאָרגעקומען עקצעסען: אין מעליטאָפּאָל איז געקומען צו פּעטש, דאָס זעלבע איז געווען נאָך אין אַפּאָר שטעדט.

אינטערעסאַנט איז געווען די אַגיטאַציע פון די „פאַראײניגטע" אין סימפעראָפּאָל.

קודם כל האָבען זיי אַוועקגעלעגט אין אַזײַט פאַרטײַ און פּראָגראַם פּרינציפּען און „אַרײַנגעפּאַקט" אין זײַער צעטעל אַ העכט פון די „רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטען" אַזוינעם, פאַר וועלכען אַפילו די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון „בונד" איז צו אידיש, דער פאַר אָבער שפּילטער אַ ראָליע אין „זײַער וועלט" און מען האָט געהאָפט, אַז דער המון וועט פאַרבלינדעט ווערען פון דעם קלינגענדען נאָמען.

דער „בונד" אָבער, וואָס איז אַ מקורב צו דער רוסישער ס"ד, האָט געפאָדערט, אַז דער העל גאַלאָפּ—(דאָס איז דער נאָמען פון קאַנדידאַט, וואָס די „פאַראײניגטע" האָבען באַקימען אין זײַער צעטעל) זאָל אַראָפּנעמען זײַן נאָמען פון צעטעל פון די „קלײנבירגערליכע סאָציאַליסטען" און דער העל גאַלאָפּ האָט געמוזט נאָכגעבען פאָלגען, מודיע זײַענדיג אין צײַטונג „פּריבאָי", אַז ער גיט זיך אונטער דער החלטה פון קאָמיטעט ס"ד, הגם ער רעכענט אַז שטעהן אין צעטעל פון י. ס. איז ניט אַזאַ גרויסער חטא.

מיט אַ שטאַרקען ברען האָט זיך אָנגענומען די י. ס. פאַרטײַ צו די וואַהלען. פלאַקאַטען מעשה-אַמעריקאַ האָט מען אַרויסגעלאָזט. אונז די פאַרטײַ באַשטעהט פון גאַנץ רײַכע אינטעליגענטליך, נאָר כדי מיט אַמאָל צו דער האַנגען זײַערע געגנער האָבען זיי אַרויסגעלאָזט אַ שמוציגען פּאַמפלעט, וועלכער האָט אַרויסגערופען אַן אָפּווערגונג אין דער גאַנצער שטאָט. ס'איז אַ מאוסער, נידריגער פּאַסקוויל, וועלכען ס'איז אַפילו ניט כדאי צו ציטירען.

אויף אַ מיטינג פון ציוניסטען (אין רעם טאָג האָבען די פאַראײניגטע אויך צונויפגערופען אַ פאַרזאַמלונג, נאָר דער עולם איז ניט געקומען) האָט דער לידער פון די י. ס. געוואָרפען דער גאַנצער פאַרזאַמלונג אַ כעס-וואָרט: איר זענט אַלע, קאָנטר-רעוואָלוציאָנערען. אויף דער אסיפה איז געווען ביז 500 מאַן. די רעזולטאַטען פון די וואַהלען זײַנען געווען אַן ענטפער אויף אַזאַ אַגיטאַציע מצד די סאָציאַליסטישע פאַרטײען בכלל און די פאַראײניגטע בפרט.

אָט זײַנען די רעזולטאַטען פון די וואַהלען. אין סימפעראָפּאָל: ציוניסטען—15; „פאַראײניגטע"—2, פועלע-ציון—7; אונפאַרטײַשע—8, „בונד"—4, אחדות—4, קרימטשאַקעס—5. ס'ה—45.

די רעזולטאַטען אין פעאָדאָסיע: ציוניסטען—14, אומפאַרטײַשע—4; בונד—4, פאַראײניגטע—4, פועלי-ציון—1, פאָלקס-פאַרטײַ—4 קרימטשאַקעס—4, ס'ה—36.

די רעזאָלטאַטען אין מעליטאָפּאָל: ציוניסטען—12; בונד—8, פאַראײניגטע—1, פועלי-ציון—1 אחדות און פרויען צעטעל—8 ס'ה—20.

אין בערדיאַנסק האָט דער ציוניסטישער צעטעל דורכגעפירט 18 פון—36 אין באַחשיסאַריאַ—12 ציונ. פון—15; יאַלטאַ—15 ציונ. פון 25; אַלושטאַ 10 ציוניסטען פון—15.

אין גיכען וועלען פאָרקומען די וואַהלען אין יעווּפּאַטאָריע, קערטש, דזשאַנקאָי. און מיר האָבען גענוג גרונד צו האָפען, אַז אויך דאָרטען וועט דער ציוניסטישער צעטעל פאַרנעמען דעם ערשטען אָרט. די אידישע קהלות אין קרים וועלען אויף אַזאַ אויפ'ן האָבען כמעט אומעטום אַ ציוניסטישע מערהײַט.

צוליב די סבּות פון אײַזענבאַן-פאַרקעהר האָט אונזער קרײַז וואַהל ביוראָ צום אַלרוסישען אידישען צוזאַמענפאָר געמוזט אָפּלײגען די בחירות אויף 14 טעג.

אַלע פאַרטײַען געפינען זיך זעהר אין אַ אונבעקוועמליכען מצב. קײן ידיעות פון זײַערע צענטראַל קאָמיטעטען האָבען זיי ניט און ווײסען ניט וואָבײַ צו שטעלען צו דערלאַנגען אָהן דער הסכמה פון צענטער. דאָס קרײַז-וואַהל-ביוראָ אויף איר לעצטער זי־

צזגנג האט אנגענומען אהחלטה, אז א הסכמה פאר אלע קאנדידאטען קענען גיבען די גובערניאלע קאמיטעטען פון פארטייען, ווייל עס איז נים מעגליך צו באקומען איצם קיין בריף מיט הסכמות פון די קאנדידאטען. אין ציוניסטישען צעטעל וועט אויף דעם 1-טען ארט שטעהן אונזער נאציאנאלער משורר ה. נ. ביאליק. אין צעטעל וועט אויך שטעהן דער חבר שעכטמאן, וואס איז דער קאנדידאט אין גרינדונגס-פארזאמלונג פון דעם אידישען נאציאנאלען בלאק אין טאווריע.

בן דינה.

דאס אידישע לעבען אין אויסלאנד.

די שטעט-קאנפערענץ אין פוילען.

צו דער קאנפערענץ פון די פוילישע שטעט, וועלכע האט געזאלט פארקומען אין ווארשא אין פעברואר זיינען איינגעלאדען געווארען אלע מאגיסטראטען אחוץ בענדין, וואו דער שטאט-ראט באשטעהט בלויז פון אידען. די אידישע ראטמענער האבען צוגעשטעלט די פוילישע א קאנדידאטען-ליסטע, אין וועלכע ס'זיינען געווען אנגעמערקט 4 פאליאקען און נאר 1 פלאץ איבערגעלאזט פאר א אידישען קאנדידאט. די פאליאקען האבען אבער אפגעווארפען דעם פארשלאג און ס'איז געווען קלאר, אז ס'האט געגעבען צו וויסען „פון אויבען", אז אויף דער קאנפערענץ זאלען קיין אידען נים זיין.

די רומענישע אידען אין אמעריקא.

אין אמעריקע האט זיך געבילדעט א פאראייניגונג פון רומענישע אידען צו קעמפען פאר דער אידישער גלייכבארעכטיגונג אין רומעניען. אין דער „פאראייניגונג" נעמען אנטייל א סך אנגעזעהענע אידישע און נים-אידישע פאליטיקער.

אידישע מיניסטארען.

אין דער איטאליענישער רעגירונג געפינען זיך איצט צוויי מיניסטארען-אידען: מארפורגא (וויצע-סעקרעטאר פאר האנדעל און אינדוסטריע) און רעניא (סעקרעטאר פון פארקער-ענינים).

אנטיסעמיטיזם אין דער שווייץ.

סוף 1917 יאר איז דער ד"ר י. ווארמסער ארויסגעטראטען אין באזלער מלוכה-ראט מיט אן אנפראגע וועגען אנטיסעמיטישע האנדלונגען פון צוויי געריכט-באאמטע, וועלכע האבען בשעת אן אונטערזוכונג זיך אויסגעדריקט אז די אידען זיינען שולדיג אינ'ם יקרות און האבען געמאכט נאך אנדערע באשולדיגונגען. דער אינטערפעלאנט האט אנגעוויזען דערויף, אז אזעלכע אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען רופען ארויס א שטארקע אויפרעגונג צווישען דער גאנצער אידישער באפעלקערונג און געפאדערט אנצונעמען מיטלען כדי, רעגירונגס-באאמטע זאלען זיין שטרענג אביעקטיוו און אויסער פארטייען.

צו דער אידען-פראגע אין פוילען.

אין חודש יאנואר זיינען אין ווארשא פארגעקומען באראטונגען צווישען פויליש-אידישע-אסימילאטארישע פאליטיקער וועגען די אידיש-פוילישע באציהונגען. איינע אזא באראטונג איז פארגעקומען ביים קאנסול באלעסלאוו איינער אונטער'ן פארזיץ פון'ם באקאנטען אסימילאטאר פראפ. דיקשטיין. צווישען אנדערע האבען זיך אין דער באראטונג באטייליגט די פוילישע מיניסטארען: גראף ראסטוואראווסקי, בוקאוויצקי, סטאנישעווסקי, פאניקאווסקי און אנד. די ה"ה וואסערצוג און בערגסאן האבען געלייענט רעפעראטען וועגען דער אידען-פראגע אין פוילען. פון די וכוחים האט זיך ארויסגעוויזען, אז אפילו די אסימילאטארישע פראגראם איז פאר די פוילישע פאליטיקער צו ברייט. זיי וואלטען וועלען אב'פטר'ן די אידען-פראגע מיט א בינדעל פון זייער טיש.

די רעפארם פון פרייסישער פאלאטע.

אין פרייסען ווערט איצט רעפארמירט די אויבערשטע פאלאטע. אין צוזאמענהאנג דערמיט הויבען אויף די אידישע בלעטער אין דייטשלאנד די פראגע וועגען צולאזען אין דער פאלאטע גלייך מיט די פראטעסטאנטע און קאטוילישע גייסטליכע אויך א אידישען גייסטליכען, ווי דאס קומט פאר אין עלזאס-לאטארינגען.

דער פרייסישער אינערן-מיניסטער האט ערקלערט אז די פאדערונג פון פרייסישען אידענטום וועט ערפילט ווערען.

א אידישער קאנדידאט אין האמבורגער סענאט.

צענדליגער יארען בסדר האט א איד געקאנט ווערען סענאטאר נאר דאן ווען ער האט זיך געשמדט. איצט איז ארויסגעשטעלט געווארען אין האמבורג די קאנדידאטור אין סענאט פון מאקס ווארבורג, וועלכער איז א טרייער איד.

אידישער ארבעטער-סעקרעטאריאט אין דייטשלאנד.

אין בערלין האבען זיך פאראייניגט אסך אידישע ארגאניזאציעס און געגרינדעט מיט דער ערלויבניש פון דער מאכט א סעקרעטאריאט פאר די אידישע ארבעטער, וואס לעבען אין דייטשלאנד.

דער ציעל פון סעקרעטאריאט איז צו שיצען די אינטערעסען פון די אידישע ארבעטער, וואס זיינען אנגעקומען פון די אקופירטע מורח-געביטען און שטעלט זיך די אויפגאבען: געבען ידיעות וועגען ארבייט-פארמיטלונג, שיצען די רעכט פון די ארבעטער, מיטהעלפען צו שאפען פאר די אידישע ארבעטער ארבייט לויט זייערע ספעציאליטעטען.

בראש פון דער פאראייניגונג שטעהט ד"ר אדאלף פרידמאן, פארוואלטער פון סעקרעטאריאט איז ה' יצחק קארנפעלד.

די לאגע פון סאלאניקער אידען.

פון 73448 אידען, וואס וואוינען אין סאלאניקי, ווערען 2133 פאמיליעס אויפגעהאלטען אין באראקען, 685 אין שטאלען כמעט אויף דער גאס. 10000 פאמיליעס זיינען אינגאנצען רואינירט. ס'איז נויטיג גרויסע סומען געלט צו העלפען זיי.

אידישע קהלות אין אונגארן.

לויט אן אפיציעלער סטאטיסטיק פון דער אונגארישער רעגירונג פון'ם יאר 1914 געפינען זיך אין אונגארן פאלגענדע אידישע קהלות. 182 נעאלאגע און 60 פשוט'ע. פיליאלענקהלות זיינען דא: 1274 ארטאדאקסע, 302 נעאלאגע און 132 פשוט'ע. בכלל האט אונגארן אין יאר 1914 געצעהלט 560 אידישע הויפט-קהלות און 1708 פיליאל-געמיינדען. ס'זיינען פארשריבען סטאטיסטיש 406 רבנים (פון אלע 3 מינים) און 1297 ראבינאט-פערטרעטער און רעליגיאן-לעהרער.

דער'הרגט א געפאנגענעם.

אין א פאבריק נעבען ניזשעדהאזא (אונגארן), וואו עס זענען באשעפטיגט עטליכע טויזענד רוסישע און איטאליענישע קריגסגעפאנגענע, האט מען געפונען ערמארדעט דעם רוסיש-אידישען קריגס-געפאנגענעם יהודה ליעבענהאף.

א פלאגיאט מיט הרצל'ס א פעליע אן.

אין דער ווינער „ארבייטערצייטונג" האט דא ניט לאנג עפיס א הער געארג יעלינעק אבגעדרוקט א פעליעטאן אונטער'ן נאמען „דער אנדערער גלאק". עס האט זיך אבער באלד ארויסגעשטעלט, אז דאס איז א סקיצע פון טהעאדאר הערצל און דער ה' יעלינעק האט עס פשוט ארויסגעגנב'עט אויס הערצל'ס פעליעטאן-זאמלונג.

אנטיסעמיטישע העצ'ם אין פוילען.

דער „מאמענט" מאכט אויפמערקזאם דאראויף, אז אין דער פוילישער פראווינץ, באזונדער אין דער געגענד פון דער עסטרייכישער אקופאציע איז געבילדעט געווארען א פאראייניגונג, וועלכע דראהט די קריסטען, וואס וועלען פארקויפען אומבעוועגליכע גיטער די אידען, צו פארעפענטליכען זייערע נאמען אין א „שווארצע ליסטע".

וועניזעלאס און סאלאניקער אידען.

דער פארזיצענדער פון די ענגליש-אירישע צדקה-חברות, סער סטוארט סאמועלס האט געהאט מיט וועניזעלאס'ן א געשפרעך. וועניזעלאס האט איבערגעגעבען סאמועלס'ן אז אין סאלאניקי וועט ביי די אפגעברענטע אידען אפגענומען ווערען דאס איינגענטום-רעכט אויף זייערע הייזער. דאס איז הויפטזעכליך געווענדעט געגען די אידען, וועלכע זענען געגנער פון וועניזעלאס'ן. די פערצווייפלונג און נויט צווישען די אידישע פאמיליעס און סאלאניקי איז אונבעשרייבליך.

„אידישע זשורנאליסטען געזוכט".

אין דעם לעמבערגער „טאגבלאט" געפינען מיר אזא מין מערקווירדיגע רעדאקציאנס-מודעה, באזונדערס אין א אידישען בלאט:

אידישע זשורנאליסטען געזוכט.

אין א אידישער טעגליכער צייטונג ווערען פריי עטליכע פאסטענס אין דער רעדאקציע. א. צ. פאר פאליטישען טייל.

די בעדינגונגען: בעהערשונג פון'ם יודיש-ליטערארישען סטיל, ענטשפרעכענדע יודישע און אייראפעאישע בילדונג, קענטעניש פון די פאליטישע פערהעלטנישע אין אידענטום, אין עסטרייך אין פוילען, גאליציען און רוסלאנד.

אפערטען מיט א בעשרייבונג פון ביזאיצטיגע פערווענדונג, ווי אויך צייגנישען און פראבע-ארטיקלען זענען צו שיקען צו דער אדמיניסטראציע פאר הר. ע.

ארום דער פאלעסטינא-פראגע.

א געשפרעך מיט'ן טערקישען גרויס-וויזיר.

דעם 5 יאנואר האט דער טערקישער גרויס-וויזיר טאלאט-פאשא, זייענדיג אין בערלין, אויפגענומען איינע פא-שטעהער פון דער פרעסע און געשמועסט מיט זיי וועגען דער באציהונג פון טערקיי צו די אידען.

פאראן א פראגע, האט טאלאט-פאשא געזאגט, וועלכע איז מיר זעהר נאהענט צום הארצען און וועגען וועלכער עס זענען אין דער געזעלשאפט פארשפרייט זעהר פיל פאלשע קלאנגען. דאס איז די פראגע וועגען דער באציהונג פון טערקיי צו די אידען. זייענדיג אין דייטשלאנד, געפין איך פאר העכסט וויכטיג צו ערקלערען, אז די טערקישע רעגירונג האט זיך תמיד זעהר גינסטיג באצויגען צו אידישע אונטערטאנען. איך מוז אויך אנווייזען

אז פון אלע ניט-מוסולמענישע עלעמענטען אין טערקיי האָבען די אידען ארויסגעוויזען די גרעסטע ליבע צו זייער אָטאָמאַנישען פאָטערלאַנד און זיינען מער פון אלעמען געווען איבערגעגעבען דעם אָטאָמאַנישען מלוכה-געדאַנק. אין טערקיי זיינען פאר די אידען אָפען אלע וועגען צו די מלוכה-שטעלען.

מיר וועלען זיך ניט לאָזען איינרעדען, מיר זאָלען ניט טרייסטען די אידען. אויך פאר דער אידישער באַפעלקערונג אין פאלעסטינא האָבען מיר געטאָן אלץ, וואס איז נאר געווען מעגליך, מיר זיינען פעסט איבערצייגט, אז גאנץ פאלעסטינא, דערין אויך די פראָווינצען, וואס זיינען איצט פארנומען דורך די ענגלענדער, וועלען צוריק אבגעגעבען ווערען טערקיי. און אפילו דער פויבסט אליין וועט אין גיכען פארשטעהן, אז אויך פאר די קריסטען איז וויכטיג, אז פאלעסטינא זאל זיך געפינען אונטער א ניט-קריסטליכער נייטראלער מאכט. ווי נור ירושלים וועט צוריק אומגעקעהרט ווערען צו טערקיי, וועט די פראגע וועגען דער אידישער באפעלקערונג אין דער גאנצער טערקישער מלוכה געלעזט ווערען אויף אזא אופן, אז עס וועט צופרידען שטעלען אלע וואונשען פון די אידען.

די אויסארבייטונג פון אוילע אין די פאלעסטינישע קאלאניעס.

אין די דייטשע וויסענשאפטליכע זשורנאלען זיינען געדרוקט ארטיקלען וועגען דער אויסארבייטונג פון פארשידענע שמעקעדיגע אוילען אין די פאלעסטינישע קאלאניעס זכרון-יעקב, פתח-תקוה און אין יפו. דייטשלאנד פארברויכט אסך פון די דאזיגע אוילען, וואס צייכנען זיך אויס מיט זייער הויכען קוואַליטעט.

אין ארץ-ישראל.

אין קאָפּענהאַגען איז ערהאלטען געוואָרען א ידיעה פון יפו, אז די אידישע קאלאניעס פתח-תקוה און עין-גנים האָבען זעהר געליטען בשעת די לעצטע שלאכטען. ס'איז נויטיג א גרויסע סומע כדי ווידער אויפבויען די קאָלאניעס. מ'רעכענט אסך פארגרעסערן דעם שול-ביודזשעט, איבערהויפט אין ירושלים.

די אבטיילונגען פון אנגלא-פאלעסטינא באנק אין יאפו און ירושלים האָבען ווידער אָנגעהויבען זייער טעטיגקייט. געלט אין דעם אָקופּירטען טייל פון פאלעסטינא ווערט דירעקט איבערגעשיקט.

ירושלים'ער מעדאלען.

לויט ווי די לאָנדאָנער צייטונגען מעלדען, האָבען די ענגלישע סאלדאטען, וועלכע זיינען די ערשטע אריין אין ירושלים באַקומען באַזונדערע מעדאלען, מיט העברעאישע אויפשריפטען אויף ביידע זייטען און אויף קריסטוס-בילד. איינע פון די ערשטע אבטיילונגען, וואָס זענען אריין אין ירושלים, איז באַשטאַנען בלויז פון אידען.

דער פויפסט. וועגען ירושלים.

פון רוים מעלדעט מען, אז דער פויפסט האָט צוגעשיקט א צירקולאַר צו די בישאָפען פון אלע קריגס-לענדער אין וועלכען ס'ווערט ערקלערט, אז אויב א קריסטליך לאַנד וועט מיטהעלפען די טערקען צוריק צו איינעמען ירושלים, וועט אָט דאָס לאַנד אויסגעוואָרפען ווערען אין חרם דורכ'ן פויפסט.

אגב איז מודיע דער פויפסט דורך אן ענציקליק דער גאנצער וועלט וועגען דער באפרייאונג פון ירושלים און ס'ווערט אנגעוויזען, אז אפילו אין די פיינדליכע לענדער זאל מען דאַנקען גאָט דערפאר, וואס ירושלים איז געוואָרען באפרייט.

די ענגלישע ארבעטער און די שלום-באַדינגונגען.

דער אויספיר-קאָמיטעט פון דער ענגלישער ארבייטער-פארטיי צוזאמען מיט דעם קאָמיטעט פון די טרייד-יוניאָנס (פראָפעסיאָנעלע פאראיינען), האָבען פארעפענטליכט ווידער א מאָל א מעמאָראַנדום וועגען די שלום-באַדינגונגען.

צווישען אנדערע ווערט אויסגעשטעלט דער פונקט פון פאָדערן פאר אידען אומעטום גלייכע רעכט, און א פרייע מלוכה אין פאלעסטינע, אונטער אינטערנאציאָנאַלער גאראַנטיע כדי די אידען זאָלען קאָנען ווידער אויפבויען זייער נאַציאָנאַל-היים.

די איטאַליענער אין ארץ-ישראל.

לויט געוויסע ידיעות באַשטעהען די איטאליענישע מחנות אין ארץ-ישראל פון קלענערע אבטיילונגען, וועלכע מען האָט אָפּגעצויגען פון ליביע. זיי שטעהען אונטער דער קאמאנדע פון מאיאָר ד'אַגאָסטינאָ.

דער איטאַליענישער עקספּעדיציע-קאָרפּוס איז פריהער געווען אין מצרים, דערנאָך אין סיריע און פון דאָרט האָט מען אים געבראַכט קיין פאלעסטינע מיט דער אייזענבאַן, וואָס די ענגלענדער האָבען אויסגעבויט פון סועצער קאַנאל קיין צפון-מזרח. ער האָט זיך באַטייליגט אין די קאַמפען ביי עזה. איצט וועט ער צוזאַמען מיט די ענגלישע און פראַנצויזישע מחנות בילדען דעם גאַרניזאָן אין ירושלים.

ליטעראַרישע נייעס.

דער „קיעווער פארלאג" האָט ארויס געלאזט א זאַמעלבוך „אייגענס" מיט פאלגענדיגען אינהאַלט: דוד בערגעלסאָן: אין פארטונקעלטע צייטען (ראָמאַן); ל. קוויטקא—מיין אוצר, אווענט, נאַכט, ווייבער, א שווייגענס נאַכט, שטורם; דער נסתר—צום באַרג, שדים (מעשיות); דאברושין—טרערעלאך, א מאַנן אין שטעטל (לידער); אלטער קאַהיזנע—א פּאָעמע.

פרייז פון זאַמעלבוך איז ה' רובל.

אין וואַרשא איז ארויס פון דרוק א אידישער ליטעראַרישער זאַמעלבוך „אין שטורם" (פארלאג „יוגענד", פרייז 75 פעניג).

אינהאַלט:

1) יצחק קאַצענעלזאָהן — אין טאָל פון טויט 2) שלום אש — די דראַמען געהעריג; 3) ה. ד. נאָמבערג—שענע יוגענד; 4) דוד איינהאָרן—א הופה-ליד; 5) ליפא קעסטין—ליבע; 6) דוד קאַסעל; דאָס מיידעלע; פאַאולא ה—א, זעה די וועלט ארום אונז ברענט; ד"ר י. ב. צפור—אין דערהיים; א. צייטלין—די אלטע חערבע; ז. ק. ליק—דער פערוואלטער בוקעט; ליב ניידוב—הערבסט; יונה קאַמינקאָווסקי—ביינאַכט; י. פערלע—טרים'ל; מ. ם. הורוויץ—א היים; ש. י. סטאָפּניצקי—נאַציאָנאַלע קונסט; פ. גראַאָבאַרד—געזאַמעלטע אידישע קינדער לידער; נח פרילוצקי—מאַטעריאַלען פאר אידישע וואָרט-פארשונגען.

* * *

די רעדאקציע פון דעם אָרגאַן פון דער אידישער פאָלקס-פּאַרטיי אין פוילען „דאָס פאָלק" לאָזט צו וויסען, אז פון איצט אָן וועט שוין דאָס וואָכענבלאַט ערשיינען פונקטליך און רעגולער.

* * *

אין וואַרשוי איז די טעג ארויס פון דרוק א זאַמלונג פון קינדער-לידער און קינדער-געדיכטען פון ש. י. לאַנדינסקי אונטער דער רעדאקציע מיט א הקדמה פון י. דינעזאָן. די לידער ווערען געזונגען אין די אידישע קינדערהיימען און פאָלקס-שולען פון וואַרשא און אין דער פראָווינץ.

* * *

ס'איז ערשינען פון דרוק א אויסוואַהל פון דוד איינהאָרנ'ס נייע לידער אונטער'ן נאָמען „ווען דער פריהלינג קומט". פרייז 1,50 מארק.

* * *

סוף יאַנואַר איז אין ווילנא ערשינען דאָס ערשטע העפט פון דער נייער אויסגאַבע „אידישע פאָלקס-ביבלעך", וואָס וועט ברענגען—אין דער פאָרם פון א מיניאטור-ביבליאָטעק—פאָפּולער-וויסענשאַפטליכע אָפּהאַנדלונגען פון אלגעמיינער וויסענשאַפט, קונסט, ליטעראַטור וכדומה. עס וועלען דאָרט זיין ארבייטען פון פאַכמענער איבער עקאָנאָמישע פראַגען, פּאָליטיק, נאַטור-וויסענשאַפט און אנדערע, אין א פאָלקסטימליכער, אידישער שפּראַך מיט אילוסטראַציעס. דאָס ערשטע העפט איבער דער לעהרע פון פאָלקס-ווירטשאַפט איז שוין אין דרוק. פאר די אנדערע העפטען זיינען שוין באַשטימט ארבעטען פון ד"ר בעלניצקי, ד"ר קאַסנער, ד"ר קאַדיש, ד"ר פלאַשקעס, אַדאָלף שטאַנד, ד"ר פינקעלשטיין און אנדערע.

* * *

היינטיגען חודש הויבט זיך אָן ווידער ארויסצוגיין אין ווין די טעגליכע אידישע „ווינער אידישע מאָרגענ-צייטונג", וואָס איז שוין ערשינען אין ווין אין די יאָרען 1914—1915.

* * *

אין פארלאג „ספרות" זיינען ערשינען פאָלגענדע נייע ביכער (רוסיש):

א) ביי די טייכען פון בבל, נאַציאָנאַל-אידישע ליריק אין דער וועלט-פּאָעזיע. צוזאַמענגעשטעלט פון ל. ב. יאַפּפע.

ב) ד. ס. פּאַסמאַניק. דער גורל פון אידישען פאָלק. די פּראָבלעמען פון דער אידישער געזעלשאַפטליכקייט.

ג) מ. ס. מארגאָלין. די גרונד-שטרעמונגען אין דער געשיכטע פון אידישען פאָלק.

* * *

אין בערלין ערשיינען איצט אלע ווערק פון רבי יצחק-יעקב ריינעס, רב אין לידע, וועלכע ענטהאַלטען פיעל מאמרים וועגען הלכה און אגדה, תלמוד און מדרש, לאָגיק און רעליגיאָנס-פילאָזאָפיע.

גרוסען פון פוילען.

א. ל. יאַקובאָוויטש (וואַרשא נאָוואָליפּיע 45 מ. 3 איז געזונט און גריסט זיין פרוי און קינדער אין אדעס (פּרעאָבראַזשענסקאַיא 35).

משה גרשון פעלדשטיין אין וואַרשא איז געזונט און גריסט זיין פרוי און קינדער אין מאָסקווע.

דער אָחאָטער רבי איז מודיע זיין ברודער ר' יצחק קאַצענעלבויגען מיט אלע חסידים אין רוסלאנד, אז ער איז ב"ה מיט'ן ב"ב געזונט און וואוינט איצט אין סראָצק, קרייז וואַרשא. בעט ענטפער.

נ. פינקעלשטיין גריסט זיין פריינד ד"ר גרשון לעווין, זיין שוועגערין רחל פינקעלשטיין מיט די קינדער, וועלכע געפינען זיך אין סקווירע (קיעוו. גוב.). זיין פאמיליע ווי אויך די פאמיליע פון ד"ר לעווין זיינען אלע געזונט.

א. און י. גאָלדבערג שיקען א הערצליכען גרוס זייער ברודער ל. גאָלדבערג אסיסטענט צאָהן-ארצט-שול אין יעקאַטערינאָסלאַוו. אלע זיינען געזונט.

איסר און אהרן איינהאָרן גריסען זייערע עלטערן און שוועסטער אין באָברויסק ווי אויך אלע קרובים, גוטע פריינד און באַקאַנטע. בעטען ביי דער ערשטער מעגליכקייט זיי צו שרייבען איבער'ן אדרעס פון „היינט".

אסתר בראנשטיין, ווארשא, גריסט איר מאַ שטין באַאנשטיין אין ליפעצק, טאמבאווער גוב. און מיר ברודער אהרן וויזענבערג אין פעטערבורג די גאַנצע פאַמיליע איז געזונט. ערוואַרטעם פון זיי ידיעות.

א. און ש. גאַווזא, און פאַמיליעס גריסען זייערע שוועסטער און פאַמיליען אין סלוצק, קלעצקן האַרקאַוו און סאַטאַרע. אלע זיינען געזונט.

מאיר אייזענשטאדט מיט פרוי און קינדער אין ווארשא גריסט זיין מוטער זישע אייזענשטאַדט אין סלוצק (מינסק. גוב.), זיין ברודער ד״ר מ. א. אייזענשטאַדט מיט פאַמיליע (רב אין פעטערבורג) זיין שוועסטער חנה ליבערמאַן מיט פאַמיליע (אין פעטערבורג.

מאַרקוס שיף מיט פאַמיליע אין ווארשא גריסט זיין פאַמיליע אין אדרם. אלע זיינען געזונט.

איזידאָר מאזארסקי מיט פרוי און קינדער, ווארשא, זיינען געזונט און גריסען די עלטערן און ברודער מאריין אין זשיטאָמיר, בערדיטשעווסקע 7

נחום רובין און פאַמיליע פון בריסק, איצט אין בראַק, לאָמזשער גוב., זיינען געזונט און גריסען דעם פאָטער שמאי מיט'ן ברודער לייבל רובין אין יעקאַטערינאָסלאַוו.

הערשל ראַווצקי, ווארשא, נאַלעווקי 20, גריסט זיין פרוי חנה פון זשאַנער מיט די קינדער אין ראָמען, פאָלטאַווער גוב.

רונרא אדאלף (גאָהאליפיע 51) און פאמיליע פוהאלסקי (סענאטאָרסקע 6) אין ווארשא זיינען געזונט און גריסען זייערע אייגענע אין יעקאַטערינאָסלאַוו און האַרקאָוו.

(פאָרזעצונג קומט)

רעדאַקטאָר: מ. גראָסמאַן. אַרויסגעבער: י. כהנ'אוו.

די וואַרשעווער טעגליכע צייטונג

„דער מאָמענט“

האט שוין געעפענט אין קיעוו א ספעציעלע אבטיילונג פאר אוקראינא. עס ווערען אנגענומען אבאנענטען און מודעות, ספעציעל גרוסען און מיטיילונגען פאר די קרובים אין די אקופירטע געגענדען.

ביז דער פעסשטעלונג פונ'ם קורס איז דער אבאָנענטס-פרייז— 5 רובל א חודש.

ס'ווערען איבערגעגעבען אגענטורען פאר שטעט אין אוקראינא.

די צייטונג וועט אנקומען מיט די ערשטע צוגען פון ווארשוי

אדרעס:

„Дер Момент. Кіев, Жилянская. № 101, кв. 18.

אויף דער וואך

ארגאן פון ציוניסטישען געדאנק

„ДЕРЪ ТЕЛЕГРАФЪ“
„ОЙФЪ ДЕРЪ ВАХЪ“
КIЕВЪ,
Б.-Васильковская 72.

ערשיינט
וועכענטליך.
№ 2.

פרייז 60 קאפּ.
דער פרייז פאר מודעות:
א פעטיט־שורה 75 קאפ.
די רעדאקציע איז אפען פון 11 ביז 1.

זונטאג, 24 מארט 1918 קיעוו. י"א ניסן, התרע"ח.

אינהאלט:

י. רויטבערג: דער ערשטער אַריכפאָר; מ. הינדעס: די נייע אָריענטאַציע; י. שעכטמאַן: וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי; ש. חרותי: די אידישע קהלה און די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס; מ. לייזעראָוויטש: הכשריב; מ. נ. סירקין: אַקטיוו אָדער פיקטיוו; נאָטיצען און אָבקלאַנגען: א) מ. ה: דער בעסטער אויסוועג; ש. ש: מיט א פאַרטיי ווייניגער; מ. נ: א נייע קאַריקאַטור; מ. ל: טשלענאָוו און דער „דבר“; ש. שנייפאַל: פאַרשיינען (II); די לאַגע פון אידען אין פוילען; די דייטשע פרעסע וועגן פאַלעסטינע=פראַגע; דאָס אידישע לעבען איף אוקראַינא; און דער אידישער וועלט; די ציוניסטישע באַוועגונג; ליטעראַרישע ניעס; גריסען פון פוילען.

די דרוקעריי „התחיה“

Кiев, Б.-Васильковская 72.——Телеф. 65-24.

נעמט אן באשטעלונגען אויף פארשידענע דרוק־
ארבייטען אין

העברעאיש, אידיש און רוסיש.

די דרוקעריי „התחיה“ איז די גרעסטע אין
אוקראינא און פאַרמאגט דעם רייכסטען אויס־
וואהל פון אידישע און רוסישע שריפטען.

באַשטעלונגען ווערען אויסגעפירט ביליג און צו מעסיגע פרייזען.

אויף דער וואַך

ארגאַן פון ציוניסטישען געדאַנק

„ДЕРЪ ТЕЛЕГРАФЪ"
„ОЙФЪ ДЕРЪ ВАХЪ"
КIЕВЪ,
Б.-Васильковская 72.

ערשיינט
וועכענטליך.
№ 2.

פרייז 60 קאָפּ.
דער פרייז פאַר מודעות:
א פּעטיט - שורה — 75 קאָפּ.
די רעדאקציע איז אָפען פון 11 ביז 1.

זונטאג, 24 מאַרט 1918 קיעוו. י"א ניסן, התרע"ח.

אינהאַלט:

י. רויטבערג: דער ערשטער ארויספאָר; מ. הינדעס: די נײַע אָריענטאַציע; י. שעכטמאַן: וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי; ש. חרותי: די אידישע קהלה און די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס; מ. לייזעראָוויטש: הכשרים; מ. נ. סירקין: אַקטיוו אָדער פיקטיוו; נאָטיצען און אָפּקלאַנגען: א) מ. ה: דער בעסטער אויסוועג; ש. ש: מיט א פּאַרטיי ווייניגער; מ. ג: א נײַע קאַריקאַטור; מ. ל: טשלענאָוו אין דער „החבר"; ש. שנייפאַל: פאַרשווינען (II); די לאַגע פון אידען אין פוילען; די דײַטשע פּרעסע וועגען פּאַלעסטינע-פראַגע; דאָס אידישע לעבען אויף אוקראַינא; אין דער אידישער וועלט; די ציוניסטישע באַוועגונג; ליטעראַרישע נייעס; גרוסען פון פוילען.

דער ערשטער ארויספאָר.

קײַן אונערוואַרטעטעס איז ניט געשעהען. געוואוסט האָבען מיר, אז אונז וועט דאָס גלאַט ניט דורכגעהן אז אונז וועט מען בשום אופן ניט מוחל זײַן די כלומרשט אונזערע קרײַצבערג'ס, טשודנאָווסקי'ס און די איבעריגע עטליכע אידען, וועלכע זײַנען געשטאַנען אין די רײַהען פון די דם-שונאים פון די אוקראינער—די באָלשעוויקעס. מיר, א פאָלק א מלומד בנסיון, מיר, שוין געשלאָגענע פון גאַנץ לאנג, האָבען גוט געוואוסט, אז באָלשעוויקעס מעגען זיך געפינען בײַ אַלע פעלקער, בײַ אלע אומות, בײַ פוילען, בײַ די גרויס-רוסען, אפילו בײַ די אוקראינער גופא אבער באָלשעוויקעס-אידען וועלען אונז קאָסטען בלוט; פאר אונזערע באָלשעוויקעס וועלען מיר מוזען אלע, בנערינו ובזקנינו זײַן פאַראַנטוואָרטליך, אונז וועט ניט העלפען קײַן שום פאַרענטפער'ען זיך, קײַן שום התנצלות; בײַ אונז, בײַ שטיף-קינדער, טאָרען קײַן באָלשעוויקעס ניט זײַן.

ס'איז אבער ווײַניג, וואָס אלע אידישע צײַטונגען אויך אלע שפּראַכען און אַלע פאַראַנטוואָרטליכע אידישע פּאָליטישע ארגאַניזאַציעס זײַנען געגען די באָלשעוויקעס, ס'איז ווײַניג, וואָס די גרעסטע טייל פון'ם אידענטום איז שאַרף אנטי-באָלשעוויסטיש—ניט דערפאר, נאַטירליך, וואָס די באָלשעוויקעס זײַנען שונאים פון די אוקראינער, נאָר דערפאר, וואָס דער באָלשעוויזם האָט געבראַכט מיט זיך א תהו ובהו אין אלע צווײַגען פון געזעלשאַפטליכען, עקאָנאָמישען און אינדוסטריעלען לעבען, געבראַכט א חורבן אין גאַנצען לאנד, צושמעטערט אלע יסודות פון קולטורעלען לעבען,—דאָס אליין איז ווײַניג. אלע אידען, אלע 40 קיעווער אידישע פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס זײַנען מחויב צו קומען צו די אוקראינישע אָנפירער, אָפּוואַשען די הענד און שווערען: „ידנו לא היתה במעל"ו, מיר זײַנען ניט קײַן באָלשעוויקעס, חלילה. און אויב ניט—הערט זיך צו, וואָס עס זאָגט דערויף א אוקראינישע צײַטונג, א צײַטונג, וועלכע, ווי זי זאָגט אלײן אויף זיך עדות, איז קײנמאל, חלילה וחס, ניט געווען דערפאַר אז ס'מוזען זײַן אידישע פּאָגראָמען, אדרבה—זי איז שטענדיג שאַרף ארויסגעטראָטען געגען אלע פּאַרזוכען צו מאַכען פּאָגראָמען.

די צײַטונג, אין וועמענס נאָמען ס'טרעט ארויס ה' ניקאָווסקי, געפינט אָבער פאר נייטיג אין דער

שווערער, געדריקטער אַטמאָספֿערע פֿון די לעצטע קיעווער טעג זיך ווענדען צו די קיעווער אידען מיט פֿאָלגענדע ווערטער: „פֿאַ־וואָס שווייגען זיי ביז איצט? פֿאַרוואָס פּראָטעסטירען זיי ניט? פֿאַ־וואָס ערקלערען זיי ניט, אַז זיי זיינען אויך בירגער פֿון דער אוקראַינישער רעפּובליק און פּראָטעסטירען ניט מיט אַלע כּוחות געגען דעם, וואָס עמיצער דערוועגט זיך צו גלויבען, אַז דאָס אוקראַינישע מיליטער קען זיך איינפֿירען גלייך ווי די באָלשעוויקעס. פֿאַ־וואָס האָבען זיי ביז איצט ניט ערקלערט, אַז די קרייצבערג'ס, רייכשטיינ'ס, טשודנאָווסקי'ס זיינען פֿאַרברעכער בנוגע צו דער אוקראַינישער מלוכה און בנוגע צום אידישען פֿאָלק? איך בין זיכער, אַז אַזאַ מין ערקלערונג וואָלט געהאַט אַ געוויסע באַדייטונג, פּונקט ווי איך בין זיכער, אַז אַ וועלכער־ס'ניט־איז פֿאַקטישער אויסדרוק פֿון אַ קלאָרער שטעלונג צו די לעצטע געשעהנישען וואָלט קלאָרער געמאַכט די שטימונג פֿון דעם אוקראַינישען מיליטער".

די ווערטער מוז מען פֿאַרשטעהן אַזוי: אַלע אומות ולשונות, אפילו די אוקראַינער אַליין, מעגען זיך פֿאַרגינען צו האָבען ביי זיך באָלשעוויקעס, פֿאַר וועלכע דאָס גאַנצע פֿאָלק קאָן ניט און טאָר ניט זיין פֿאַראַנטוואָרטליך; אַלע פֿעלקער, וועלכע וואוינען אין אוקראַינאַ, מעגען זיין רוהיג: פֿאַר די עטליכע באָלשעוויקעס, וועלכע געפֿינען זיך ביי זיי, וועלען זיי קיין דין וחשבון ניט דאַרפֿען געבען. זיי וועט מען ניט באַשולדיגען, אַז דאָס גאַנצע פֿאָלק איז פֿיינדליך געשטימט צו דער אוקראַינישער רעפּובליק און דאָס פֿאָלק וועט ניט מוזען שיקען זיינע אויסערוועהלטע צו שווערען, אַז דאָס פֿאָלק איז ניט שולדיג. אידען אָבער טאָרען זיך אַזאַ וואוילקייט ניט פֿאַרגינען. זיי מוזען זיין „כּליל תּכלת", זיי זיינען מחויב צו זיין פֿאַראַנטוואָרטליך פֿאַר אַלע זייערע פֿיינע לייט, ווי די קרייצבערג'ס, רייכשטיינ'ס און טשודנאָווסקי'ס, זיי זיינען מחויב איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל פֿאַרעפֿענטליכען פֿאַר דער גאַנצער וועלט, אַז זיי זיינען געטרייע בירגער פֿון דער אוקראַינישער רעפּובליק, זיי זיינען מחויב צו כּורעים ומשתחוים זיין פֿאַר דער אוקראַינער מאַכט און שווערען מיט שבועות, אַז זיי זיינען, חלילה, ניט קיין פֿאַררעטער, ניט קיין שונאים פֿון אוקראַינע.

אידען מוזען. אויב זיי וועלען דאָס ניט טון, אויב זיי וועלען האַלטען אַזאַ מין סאָרט מעלדונג פֿאַר אַ ערנידערונג פֿון זייער פֿאָלקס־ווירדע, פֿאַר אַ באַליידיגונג פֿאַר'ן גאַנצען פֿאָלק, וועלכעס מען באַשולדיגט, לאָז זיין פֿאַר די זינד פֿון איינצעלנע פּערזאָן—וועלען זיי מוזען אויסהערען טאַקי פֿון דער זעלבער צייטונג, וואָס איז, חס ושלום, ניט פֿאַר אידישע באַנדאַטען, וועלכע זי האַלט פֿאַר אַ חרפּה, פֿאַר אַ פֿלעק אויפֿ'ן אוקראַינישען פֿאָלק, כּדומה אַזעלכע מין מענית: „כּל זמן ס'איז בלויז געגאַנגען אַ פּאַפּירענער קאַמף צווישען אונזער מאַכט מיט די באָלשעוויקעס, האָבען זיך די אידישע געזעלשאַפֿטליכע אָרגאַניזאַציעס אַרויסגעזאָגט געגען די באָלשעוויקעס. האָט מען געראַכט, אַז ווען ס'וועט אויסקומען צו פֿאַרטיידיגען די הויפּט־שטאָט פֿון אוקראַינאַ, וועט די גאַנצע שטאָט זיין אויף דער זייט פֿון די פֿאַרטיידיגער פֿון קיעוו און וועט זיי העלפֿען מאָראַליש און פֿאַקטיש. אַרום־און־אַרום וועלען זיין געטרייע און גוטע פֿריינד. וואָס־זשע האָט זיך אַרויסגעשטעלט? ס'זיינען איינגעשטאַנען די „אַרסענאַלצעס". זייער צאָל איז געווען באַוואוסט און ס'וואָלט לחלוטין ניט געווען קיין קונץ זיי צו פֿאַרשפּאַרען אין אַרסענאַל, אַרומרינגלען און צווינגען אָפּקלייבען דאָס געווער. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז זייער צאָל איז געוואַקסען און אַז די שונאים האָבען זיך באַוויזען פֿון אַלע זייטען. אויף די קאָזאַקען, וועלכע האָבען מיט קיין זאַך ניט באַוויזען צו באַאונרוהיגען די פֿריידליכע באַפֿעלקערונג, וועלכע האָבען אפילו קיין עסען ניט באַגערט, חאָטש פֿיל פֿון זיי האָבען שוין צוויי טעג אין זייער מויל גאָר ניט געהאַט,—אויף די קאָזאַקען האָבען זיך געשאָטען קוילען פֿון אַלע זייטען —פֿון די דעכער, פֿון די באַלקאָנען, פֿון אַלע פֿינסטערע ווינקעלאַך. די שטאָט איז פֿאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ הונדערט־טויזענדיגען פֿיינד. ווייבער און קינדער זיינען געגאַנגען אויף ראַזוועדקע און אונטערגעבראַכט די באַלאַגערטע אַרסענאַלצעס עסען און געווער. צו הילף די באָלשעוויקעס, מיט עמבלעמעס פֿון רויטען קרייץ אויף די אַרבעל, האָבען זיך דורכגעגנב'ט יונגע לייט, וועלכע האָבען דערנאָך גענומען ביקסען געגען די אוקראַינישע קאָזאַקען. די מיליטער־לייט האָבען זיך געפֿונען ווי אין אַ מייזען־נעץ: אויף יעדען טריט האָבען זיי באַרחאַפּט זייערע שונאים. ענדליך האָבען זיי געמוזט אַבטרעטען— און „קיעוו" האָט זיי געשאָסען אין רוקען ביזן לעצטען קליינעם הייזעל אין סטאַציאָן. ווען די פֿאַריאַגטע קאָזאַקען האָבען זיך צוגעקוקט צו זייערע איינצעלנע און גרופּע־פֿיינד, האָבען זיי גוט באַמערקט, אַז דאָס איז אַלץ געווען די אידישע יוגענד —סטודענטען, גימנאַזיסטען, אַרבייטער"...

מיט אַזעלכע טענות טרעט מען אַרויס געגען אידען אין אַזאַ צייט, ווען, ווי די זעלבע צייטונג אַליין איז מודה, צווישען אוקראַינישען מיליטער און אַ געוויסער טייל פֿון דער אינטעליגענץ „הערשט אַ פֿיינדליכע און אפילו אַ מסוכּנ'דיגע שטימונג בנוגע צו אידען, וועלכע וואַקסט און נעמט אָן באַשטימטע

שאַרפֿע פֿאָרמען". ביי אַזאַ „פֿיינדליכע און מסוכּנ'דיגער שטימונג" געפֿינען די פֿאָרשטעהער פֿון אַ פֿאָלק, וועלכעס איז ערשט ניט לאַנג אַליין געווען אַ נרדף, ערשט ניט לאַנג אַליין געפֿונען זיך אין אַזאַ לאַגע, ווען אויף יעדען פֿון אוקראַינישען פֿאָלק, וועלכער האָט געהאַט די העזה צו קלערען וועגען אַ וואַסער ניט־איז קולטורעלער, געזעלשאַפֿטליכער אַרבייט אַנדערש, האָט מען געקוקט, ווי אויף אַ „סעפּאַראַטיסט", אַ „מאַזעפּינעץ", וועלכער געפֿינט זיך אויסערן געזעץ— פֿאַר מעגליך אַרויפֿלייגען די אחריות פֿון איינצעלנע פּערזאָנען אויפֿ'ן גאַנצען פֿאָלק, געפֿונען פֿאַר מעגליך צו רעדען מיט אַזאַ טאָן אין אַזאַ פֿאָרם, וועלכע זיי האָבען פֿאַר זיך געהאַלטען פֿאַר אַ באַליידיגונג דעמאָלט, ווען זיי זיינען געווען די געדריקטע, ווען מען האָט מיט זיי גערעדט, ווי מיט שטיף־קינדער.

די צייט, ווען אַלץ, וואָס האָט אויף זיך געטראָגען דעם נאָמען פֿון אוקראַינע, איז געווען טרפֿה, ווען זאָגאַר דער טערמין „אוקראַינע" גופֿא איז אָפֿיציעל געווען פֿאַרווערט, ווען ס'איז געווען שטרענג פֿאַרבאָטען יעדער געזעלשאַפֿטליכע, בילדונגס און פּאָליטישע טעטיגקייט, וואָס האָט געהאַט אַ וואָס־ער־ניט־איז שייכות צו דער אוקראַינישער פֿאָלקס־באַוועגונג, ווען ס'זיינען פֿאַרמאַכט געוואָרען די אוקראַינישע בילדונגס־אָרגאַניזאַציעס און ס'איז אין איין שיינעם פֿריה־מאָרגען פֿאַרמאַכט געוואָרען די גאַנצע אוקראַינישע פּרעסע— די ביטערע צייט, ווען די אוקראַינצעס זיינען געווען מיט אונז „אחים לצרה",—האָבען זיי שוין איצט פֿאַרגעסען; שלעכטע צייטען פֿאַרגעסען זיך גיך. ווי נור זיי האָבען דערפֿיהלט, אַז זיי זיינען שוין די האַרען פֿון דער לאַגע, האָבען זיי באַלד געביטען דעם טאָן. די קלעפּ, וועלכע זיי האָבען באַקומען פֿון צאַרישען רעזשים גלייך מיט די אידען, די שטענדיגע באַליידיגונגען און זידלערייען, די רדיפֿות, וועלכע זיי האָבען געליטען—דאָס אַלץ איז געשווינד פֿאַרגעסען געוואָרען. איצט רעדען זיי מיט אונז מיט דעם זעלבען טאָן, אויף דעם זעלבען שטייגער, ווי מען האָט גערעדט מיט אונז און מיט זיי, די איצטיגע מושלים, ערשט ניט זעהר לאַנג.

ניט געדענקען די נאָהנטע היסטאָריע איז אַ טראַגעדיע. און ביי אַזאַ טראַגעדיע, וועלכע איז אונז שוין פֿאַרלאָפֿען מיט בלוט, שטעהען מיר איצט. די אוקראַינער רעדעל־פֿירער האָבען ניט נור פֿאַרגעסען דאָס, וואָס איז געווען ביז זיי זיינען געוואָרען פֿריי, זיי האָבען לחלוטין פֿאַרגעסען אייניגע שפּעטערדיגע מאָמענטען, ווען זיי, די רעדעל־פֿירער, האָבען, צוליב זייערע פּאָליטישע אויסזיכטען, דורכאויס אונטערגעהאַלטען די באָלשעוויסטישע דעמאַגאָגישע פּאָליטיק, וועלכע האָט געגאָסען וואַסער אויף זייער מיל. זיי, מיט זייערע רעאַלע קרעפֿטען, האָבען מיטגעהאָלפֿען דעם פֿאַלען פֿון דער צייטווייליגער רעגירונג, זיי האָבען געהאָלפֿען צו פֿאַרניכטען די יונקערס, וועלכע זיינען אין די אָקטאָבער־טעג אַרויסגעטרעטען צו הילף דעם קיעווער שטאַב און די איבערגעבליבענע דער צייטווייליגער רעגירונג, מיליטער־טיילען. די אוקראַינישע רעדעל־פֿירער אין דער קיעווער שטאָט־דומא האָבען די גאַנצע צייט געפֿירט אַ חברותא־פּאָליטיק מיט די באָלשעוויקעס, און זיך מיט אַלע קרעפֿטען באַמיהט ניט אָפּשטעהען פֿון די באָלשעוויקעס. זיי, די אוקראַינער פֿאַראַנטוואָרטליכע פּאָליטישע טוער, האָבען ניט ווייניג געהאָלפֿען פֿאַרשטאַרקען די פּאָזיציעס פֿון די באָלשעוויקעס, פֿיל מער, ווי אַלע קרייצבערג'ס, רייכשטיינ'ס און טשודנאָווסקי'ס.

זיי האָבען אָבער דאָס אויך פֿאַרגעסען. צווישען זיי און די באָלשעוויקעס, אין די רייהען פֿון וועלכע ס'זיינען געשטאַנען אַ סך טויזענדער אוקראַינער, האָט אויסגעבראָכען אַ בירגער־קריג. זיי האָבען אין איין מינוט פֿאַרגעסען אַלץ, וואָס זיי האָבען מיט זייערע איינענע הענד אויפֿגעטון אויף צו פֿאַרשטאַרקען דעם באָלשעוויזם, זיי האָבען מיט איין מאָל געוואָלט אויסמעקען דאָס, וואָס זיי האָבען פֿאַרשריבען און וואָס עס וועט פֿאַרבלייבען אין זייער היסטאָריע. זייערע גאַנצע פֿעלקער, וועלכע זיינען פֿאַררעטעריש איבערגעגאַנגען צו די באָלשעוויקעס און צוויי טעג באָמבאַרדירט די הויפּט־שטאָט פֿון אוקראַינע, פֿאַרשפּאַרענדיג זיך אין אַרסענאַל—האָבען זיי ניט געזעהען, אָבער די אידישע יונגע לייט, וועלכע האָבען די אוקראַינער־באָלשעוויקעס געהאָלפֿען ביי דער ראַזוועדקע און צוגעטראָגען עסען מיט געווער — אָ, זיי האָבען זיי גוט דערזעהען אויך פֿון סטאַציאָן. דאָס, וואָס אַלע זייערע סאָלדאַטען זיינען באָלשעוויסטיש און רעכענען זיך כּלל ניט דערמיט, וואָס זיי טראָגען אַנ'אוניפֿאָרם מיט געל־בלויע סטענגעס, דאָס, וואָס זייער פּאָעט ווינישענקאָ האָט מיט אַ באַוועהמטען האַרץ באַקלאַגט מיט עטליכע טעג פֿאַר'ן קיעווער באָלשעוויסטישען אויפֿשטאַנד,— דאָס האָבען זיי, די פּאָליטיק־מאַכער ניט באַמערקט. דערפֿאַר אָבער קאָנען זיי אונז בשום אופֿן ניט שענקען אונזערע קרייצבערג'ס, רייכשטיינ'ס, טשודנאָווסקי'ס.

און ווי־באַלד זיי האַלטען אין איין פֿאַרגעסען, אין איין פֿאַרבלענדען, איז קיין וואונדער ניט, אַז זיי הייבען אָן זייער פּאָליטיש לעבען דערמיט, מיט וואָס דער צאַרישער רעזשים האָט אַזוי טראַגיש געענדיגט. וואָס זיי אַליין האָבען געליטען פֿון צאַרישער הערשאַפֿט האָבען זיי שוין פֿאַרגעסען, אָבער אַז ביי יע־

דער מפלה, ביי יעדען אומגליק מוז מען זוכען א שילדיגען און געפינען קען מען אים נור צווישען די שטיף־קינדער—די דאזיגע תורה געדענקען זיי גוט.

מיר האבען געוואוסט, אז אונז וועט מען אונזערע באלשעוויקעס ניט מוחל זיין, אז אונז וועט מען ניט פארשווייגען אונזער געחיסע נטיה צו רוסלאנד, מיט וועלכער מיר זיינען, גאנץ נאטירליך, נאך מיט הונדערטער פעדים פארבונדען; אונז וועט מען, אזוי ווי אין פוילען, באטראכטען אלץ א רוסיפיקאטארישען עלעמענט, מיט וועלכען מען מוז פירען א קאמף. נאר מיר האבען געמעגט האפען, אז דאס וועט פארקומען פיל שפעטער, ווען אלץ אויף אוקראינא וועט שוין זיין אין ארדנונג, ווען די יונגע אוקראינישע רעפובליק וועט שוין, לכל הפחות, ארויס פון די וויקעלאך און וועט זיך שטעלען אויף די פיסלאך.

דער ערשטער ארויספאר געגען אונז איז פארגעקומען, ווי ס'איז צו זעהען, א סך פריהער, פארגעקומען אין אזא צייט, ווען די אטמאספערע איז פארגיפטעט מיט אירענהאס, ווען מיר האבען געבראכט פיל קרבנות דער ווילדקייט פון די היידאמאקעס, ווען פיל פון אונזער יוגענד, צום מיינסטען אונשולדיגע, זיינען אומגעקומען אין די הייל(ע)ן פון מיכאילאווער קלויסטער, אויף די טראסען פון וולאדימירער בארג, אין מארינסקי גארטען און אומעטום, וואוהין ס'האט דערלאנגט די פינסטערע קראפט, וועלכע פירט אן מיט די צעווילדעוועטע היידאמאקעס, פארגעקומען אין א צייט, ווי די „נאווא ראדא" אליין איז מודה, אז אין שטאט „הערשט א פיינדליכע און געפערליכע שטימונג בנוגע צו אידען"...

דאס מוז אונז דינען אלס א גרויזאמע התראה...

י. רויטבערג.

די נייע אָריענטאציע.*)

I.

מיט לאנגזאמע, אבער זיכערע טריט איז די יונגע אוקראינישע רעפובליק אריבער אין דער מחנה פון די צענטראל־איראפעאישע מלוכות; א נייע אריענטאציע, נייע פארבינדעס, נייע השפעות און שטרעמונגען..

וואס פאר א שטעלונג דארף פארנעמען די אידישע באפעלקערונג אין דער ניי־געשאפענער לאגע, נאך דעם, ווי די גרופירונג פון די פאליטישע כחות און די אינטערנאציאנאלע באציהונגען האבען זיך אזוי שארף געביטען?

די ערשטע פראגע: צי האבען מיר, אידען, בכלל דאס רעכט צו קלערען וועגען דעם? צי זיינען ניט אפשר די אדער יענע ספקות אין דעם פרט אנטי־פאטריאטיש בנוגע צו דער יונגער אוקראינישער רעפובליק, א חטא קעגען אונזער בירגערליכע פליכט?

אין די אוקראינישע קרייזען ענטפערט מען אויף די דאזיגע פראגען קורץ און דייטליך: יא, איר האט ניט דאס רעכט מסופק צו זיין אין דער ריכטיגקייט פון דעם, וואס עס איז באשלאסען געווארען „דורך דער אוקראינישער רעפובליק". די אנטיסעמיטען־סאציאליסטען סאמאסטיניקעס (א וואוילע צוזאמענשטעלונג פון נעמען!) האבען שוין אפילו ערקלערט גאנץ אפען,—קיין שטעמעוודיגע זיינען זיי ניט: די נאציאנאלע מינדערהייטען זיינען געווען קעגען סאמאסטינאסט, ובכן—מענה'ן זיי—זיינען זיי בונדים קעגען דער אוקראינישער פאלקס־רעפובליק, און זייערע פארשטעהער טארען ניט אריינגעהען אין מיניסטארען־קאבינעט. די ווייניגער אפענהערציגע און מער שעמעוודיגע סאציאליסטען פון די אנדערע אוקראינישע פארטייען זאגען דאס זעלבע, אבער בלויז מיט האלבע ווערטער: אזוי, למשל, רופט אן דער לעצטער אויפרוף פון דער ראדע צווישען די שונאים פון דער יונגער אוקראינישער פאלקס־רעפובליק אלע די, וואס זיינען קעגען „סאמאסטינאסט". הכלל, מען ערלויבט אונז גנעדיגסט אנצורופען זיך מיט'ן בכבודיגען נאמען „פרייע בירגער פון אוקראינע", אבער א אייגענע דעה צו האבען טארען מיר ניט.

מיר קענען שוין די דאזיגע טענות. הונדערטער מאל האבען מיר זיי געהערט אויף אונזער לאנגען גלות־וועג: „איר האט דאס רעכט בלויז צו פאלגען און שווייגען"... ערשט ניט לאנג האבען אזוי געטענה'ט די פוילישע פאליטישע קרייזען. מיר געדענקען נאך די לעצטע דומא־וואהלען אין ווארשא, בשעת די פוילישע פארטייען האבען אונז ערלויבט צו ווארפען אונזערע וואהל־צעטלען אין די אורנעס; אבער פירען אן אייגענע וואהל־פאליטיק, אונטערשטיצען זעלבסטשטענדיג די אדער יענע קאנדידאטען,—דאס האט מען אונז געווארנט ניט צו טון. און אז מיר האבען ניט געפאלגט, האט מען דער אידישער באפעלקערונג ערקלערט א מין בלאקאדע—אן עקאנאמישען באיקאט: מ'האט געוואלט אונז מיט הונגער באשטראפען פאר אונזער חוצפה צו וועלען זאגען א אייגענע דעה.

דער איינציגער חילוק צווישען דעם, וואס מיר האבען איבערגעלעבט אין פוילען און וואס ס'קומט אצינד פאר אויף אוקראינע, באשטעהט דערין, וואס דארט האבען מיר נאך געהאט אידישע מה־יפות'ניקעס, וועלכע האבען מיט אנ'אמת קנעכטישער פארביסענקייט געקעמפט קעגען אונזער רעכט אויף אנ'אייגענע דעה אין די אלגעמיין־פאליטישע ענינים, און דא האבען מיר זיי דערווייל נאך ניט. פריהער אדער שפעטער וועלען מסתמא אויך דא ארויסשפרינגען „אידען־אוקראינצעס", כדי ניט איבערצולאזען אהן א אידישער שטיצע דעם אוקראינישען שאוויניזם...

מיר ווייסען אויסגעצייכענט, אז אויך דא, אויף אוקראינע, וועלען מיר טייער באצאלען פאר אונזער „חוצפה". ס'שפירט זיך שוין אין דער לופטען די נייגונג פון די אוקראינישע פאליטיקער צו ווערען פלייסיגע תלמידים פון די פוילישע פראפעסארען. און ווער ווייס, צי אונזער הארטנעקיגקייט ביים אפהיטען דאס רעכט פון זעלבסטשטענדיגער פאליטיק און אייגענער פאליטישער דעה וועט ניט אויסגענוצט ווערען, כדי אויך דא, אויף אוקראינע, אויסצופראבירען די לעצטע אינטערנאציאנאלע אנטיסעמיטישע ערפינדונג—דעם עקאנאמישען באיקאט קעגען אידען?..

דאס שרעקט אונז אבער ניט. מיר ווייסען פאראויס, אז אלץ, וואס מיר וועלען טון, וועט אין דרויסען סיי־ווי־סיי פארטייטשט ווערען מיט אזא כונה, אז די אנטיסעמיטישע כוואליע זאל קענען ציהען דערפון יניקה. און דאך וועלען מיר זיך ניט אפזאגען פונ'ם רעכט אנטייל צו נעמען אינ'ם אלגעמיין־פאליטישען לעבען פון לאנד.

אויף א יסוד פון א נייער אינטערנאציאנאלער אריענטאציע האט זיך איצט געשטעלט די אוקראינישע מאכט. זי האט זיך אפגעקערט פון דער ענגליש־פראנצויזישער קאאליציע און זיך געווארפען אין די אויסגעשטרעקטע ארעמס פון די דייטשע דיפלאמאטען און גענעראלען. דאס פאלק פון אוקראינע מוז פסק'ענען, צי דאס איז געווען ריכטיג צי פאלש, צי דאס איז געווען א שריט צו א ווייטערער נאציאנאלער באפרייאונג צי א שפרונג אין דער רעאקציע. און אלס אויפריכטיגע דעמאקראטען זיינען מיר גרייט תמיד זיך אונטערווארפען דער לאנדס־מעהרהייט. אבער ביים קלאר־מאכען דעם פאלקס־ווילען זיינען מיר ניט מחויב קיינעם נאכצואנצען, אפען און קלאר מעגען מיר און דארפען מיר אויסדריקען אונזער באציהונג צו דער נייער ווענדונג, באלייכטענדיג זי ניט בלויז פון אלגעמיין־דעמאקראטישען, נאר אויך פון אידיש־נאציאנאלען שטאנדפונקט.

II.

אין אנהויב פון דער מלחמה זיינען געווען דריי מיני פאליטישע אריענטאציעס; מען האט געקאנט נעהן מיט דער קאאליציע (ענגלאנד, פראנקרייך, רוסלאנד און איטאליען—אנטאנט), צושטעהען צום בלאק פון די צענטראלע מלוכות אדער בלייבען נייטראל. אויך דאס לעצטע איז געווען א מין אריענטאציע. צווישען די נייטראלע מלוכות איז דעמאלט געווען די גרויסע צפון־אמעריקאנישע רעפובליק, וועגען וועלכער קיינער האט ניט געצווייפעלט, אז איר מאכטפולע שטימע וועט הויך דורכקלינגען ביי דער ליקווידאציע פון דער מלחמה.

נאך דער רוסישער רעוואלוציע האט זיך די אינטערנאציאנאלע לאגע שארף געענדערט. רוסלאנד איז געווארען א פרייע דעמאקראטישע מדינה. צו דער קאאליציע איז צוגעשטאנען די גרויסע אמעריקאנישע דעמאקראטיע. די ביידע צדדים האבען קלאר געמאכט זייערע כחות, זייער פאליטישען פנים און זייערע מלחמה־צוועקען,—די ביידע קעמפענדע מחנות האבען אויסקריסטאליזירט זייער אמת'ן מהות. פון איין זייט איז געשטאנען די קאאליציע, מיט באשיידענע מלחמה־צוועקען, און דעמאקראטישע נטיות; און פון דער צווייטער זייט—דער צענטראלער בלאק מיט דייטשלאנד בראש, מיט בפירושע אימפעריאליסטישע כוונות און א באשיינפערליכען רעאקציאנערען בייגעשמאק.

אמת, אויך דאס פראגראם פון דער קאאליציע איז געווען ווייט פון א פולער פאליטישער, נאציאנאלער און סאציאלער גערעכטיגקייט. א סך פון זייערע הויכע ווערטער זיינען געווען דורכגעווייקט מיט צביעות; פילע לאזונגען זיינען געקומען „ניט אויס דער טוגענד, נאר אויס דער נויט"—ניט ווייל מ'האט פון זיי אויפריכטיג געהאלטען, נאר ווייל מ'האט זיי געמוזט אננעמען. אבער דאס, וואס איז געקומען געצוואונגענערהייט האט סוף־כל־סוף געמוזט ווערען געצוואונגענערהייט אויך אויסגעפירט. און מיט אלע אירע חסרונות איז די קאאליציע—ביי דער איצטיגער לאגע, בשעת קיין דריטע, אבסאלוט גערעכטע מאכט איז ניטא,—פארט דער סימבאל פון דעמאקראטיזם און נאציאנאלער פרייהייט; דער צענטראלער בלאק אבער איז די נשמה פון אלוועלטליכער רעאקציע און נאציאנאלער אונטערדריקונג.

נאך דעם ווי רוסלאנד איז געווארען פריי, נאך דעם ווי די גאנצע וועלט האט זיך פארוואנדעלט אין א קאמפס־פלאץ פון די צוויי מחנות,—האט מען ניט געקאנט מער פארבלייבען נייטראל. האלטען זיך ביי דער נייטראלער אריענטאציע וואלט שוין געהייסען בלייבען אהן א שום אריענטאציע. איך וויל גאר ניט זאגען, אז מיר, אידען, האבען געדארפט מיט בלויז

---

*) דער ארטיקעל ווערט געדרוקט אויפ'ן יסוד פון פרייער דיסקוסיע.

און פייער זיך ווארפען אינ'ם פלאם פון דער מלחמה, אלס א באזונדערע נאציאן, איין זאך איז אבער קלאר: אין אונזער פאליטישער אויפפירונג, ביים באשטימען פון די אדער יענע אינטערנאציאנאלע אריענטאציע דארפען מיר אפען אויסדריקען אונזער נטיה צו דעם אדער יענעם צד.

אמת, נאכשלעפענדיג זיך הכנעה'דיג נאך די פארערונגען פון דער גאס, האט א גרויסער טייל פון דער רוסישער דעמאקראטיע געשטעלט זיך פון דער ערשטער רגע אן אין א פיינדליכע פאזיציע צו דער קאאליציע. אבער די פאלגען דערפון האבען זיך איצטער קלאר ארויסגעוויזען: דאס האט נאר געבראכט נוצען דעם אנטקעגען־שטעהענדען צד. אמת, אויך אונזערע היימ'שע שליח'ים פון דער אבסאלוטער גערעכטיגקייט—די אידישע סאציאליסטען—זיינען געווען שטארק אויפגעבראכט דערויף, וואס מיר האבען אנגענומען פון ענגלאנד'ס הענט די דעקלאראציע וועגען ארץ־ישראל און דערמיט „איינגעצויגען די אידישע מאסען אינ'ם אינטערעסען־תחום פונ'ם ענגלישען אימפעריאליזם". אבער בשעת זייערע חברים, די אוקראינישע סאציאליסטען, זיינען ווירקליך צוגעשטאנען צו דעם אמת־אימפעריאליסטישען פארבאנד פון די צענטראלע מלוכות, האבען אונזערע אידישע סאציאליסטען ניט געפונען קיין מוט ארויסטרעטען אפילו קעגען דעם, לכל הפחות מיט'ן זעלבען לשון, מיט וועלכען זיי זיינען ארויסגעטרעטען קעגען דער ענגלישער דעקלאראציע. און דאס אלץ איז פסיכאלאגיש גאנץ נאטירליך. אויף צוויי שטולען קען מען ניט זיצען בשעת א וועלט־מלחמה, וואס צעשניידט די וועלט אויף צוויי קעמפענדע מחנות. אדער אהין אדער אהער. דאר קיין נייטראלע איז ניטא קיין פלאץ. און די, וואס בלייבען בלומ־'שט „נייטראל". באהאלטען בלויז זייער אמת'ע אינעווייניגע נטיה צו דעם אדער יענעם צד, אדער באמערקען ניט אליין, ווי זיי זיינען געווארען אן'אומבאוואוסטזיניגער געצייג אין די הענט פון איין צד.

די בלומ'שטע „נייטראליטעט" פון דער ריסלענדישער דעמאקראטיע בנוגע צו „די ביידע אימפעריאליזמען" האט לאגיש געבראכט צו דער איצטיגע' לאגע, ווען די רוסישע סאציאליסטען זיינען געצוואונגען אפגעבען זיך אויף חסד פונ'ם דייטשען אימפעריאליזם; די אוקראינישע סאציאליסטען האבען פרייוויליג געשלאסען מיט אים אן'אפמאך און די אידישע סאציאליסטען שטעהען דערביי שטומווייריג, ניט האבענדיג קיין מוט איבער'חזר'ן אפילו א צעהנטען חלק פון דעם בינטעל פעך און שוועבעל, וואס זיי האבען געווארפען אין דער ענגלישער רעגירונג און אידע אנגעטען—די ציוניסטען—נאך דער דעמאקראטישער דעקלאראציע וועגען ארץ־ישראל.

מיר טארען ניט געהען דעם וועג. מיר טארען ניט זיצען אויף צוויי שטולען. מיר דארפען ניט שטימען פאר'ן שלום־אפמאך מיט דייטשלאנד, פאר דעם דאזיגען דאפעלט־סעפאראטען שלום. מיר דארפען ניט ארויפלעגען אונזער שטעמפעל אויף דער נייער אינטערנאציאנאלער אריענטאציע פון אוקראינע.

מיר שטרעבען צו נאציאנאלער פרייהייט, מיר שטרעבען צו נאציאנאלער אווטאנאמיע, מיר שטרעבען צו א נאציאנאלען מקום מקלט—צו א נאציאנאלער היים אין ארץ־ישראל. מיר ווילען אויך גלייכצייטיג לעבען דא און האבען דא פרנסה; און א'יב דער עקאנאמישער חורבן פון דער אידישער באפעלקערונג נאך דער מלחמה איז סיי־ווי־סיי געווען אונפארמיידליך,—האבען מיר וועניגסטענס געוואלט לעבען אין א לאנד, וואס וועט ניט עקספלאאטירט ווערען פון דרויסען, געוואלט באווארענען זיך פון א דאפעלטען חורבן אין א פרעמדער קאלאניע. און איצטער לענט מען אונז פאר צו פאטשען בראווא, בשעת דאס אלץ געהט צו גרונד?...

ניין, לאז די „דעבאקראטישע" מערהייט, דער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער רוב טון דאס אהן אונז. דעם געשעהענעם פאליטישען פאקט ווילען מיר אנערקענען,—קיין באלשעוויקעס זיינען מיר ניט. אבער אונזער געוויסען וועט זיין ריין און מיר ווילען ניט ציטערן פאר'ן געריכט פון דער געשיכטע.

מ. הינדעס.

וולאדימיר זשאבאטינסקי.

ס'איז שוין צייט, לאנג צייט צו זאגען דעם גאנצען אמת וועגען אט דעם גרויסען און מוטיגען מענשען, אומקערען זיין נאמען, וואס איז אזוי לאנג אין אומגעזעצליך פארטריבען געווארען, צוריק אין אונזער געזעלשאפטליכקייט, געבען די ריכטיגע אבשאצונג סיי פון זיין פערזאן און סיי פון יענער אונווערדיגער קאמפאניע פון שקר און קליינקעפעלדיקייט, וועלכע פירט זיך נאך עד היום ארום דער דאזיגער „טאלאנטפולער, אבער אונפאראנטווארטליכער פערזענליכקייט".

ערשט ניט לאנג האט מען דאך דעם נאמען גופא: וולאדימיר זשאבאטינסקי מחרים געווען אין אונזער פרעסע. אין ווענעציע איז פאראן א בילדער־גאלעריע, אין וועלכער עס הענגט א שורה פארטרעטען פון אלע דאזשען פון דער ווענעציאנישער רע־

פובליק. נאר אין איר איז פאראן א פוסט ארט. איינע פון די ראמען איז פארצויגען מיט א שווארצען געוואנט און עס קוקט ניט מער ארויס פון איר דער פנים פונ'ם דאזש. און אונטער דער ראם שטעהט געשריבען: מארטינא פאליערי. און עס ווערט לעבעדיג אין זכרון דעם דאזש־מורד, וועלכער האט פארזוכט צו ברעכען די מאכט פון דער ווענעציאנישער אליגארכיע, האט געוואגט דענקען און טון לויט זיין אייגענעם ווילען. ער איז געווען באזיגט און פארמשפט צים טויט. און כדי אויסצומעקען אפילו דעם זכר'ון וועגען דעם דאזיגען מורד—האט מען מיט א שווארצען געוואנט פארהאנגען זיין פארטרעט אין דער בילדער־גאלעריע פון די דאזשען.

וולאדימיר זשאבאטינסקי לעבט נאך. זיין פארטרעט קאן מען ניט פארהענגען מיט געוואנט. און פאר דער פארגענומענער מרידה האבען אונזערע אפיציעלע קרייזען אויף אנאנדער אופן גענומען נקמה: זיי האבען אים פארשוויגען. אין א משך פון עטליכע יארען האט מען זיין נאמען עפענטליך ניט דערמאנט דאס איז געווען עטוואס איבער וואס מען רעדט נישט. און אפילו דענסטאל, ווען מען האט שוין געמוזט כדי צו קאמפראמעטירען זיין ארבייט, דערמאנען וועגען אים, אפילו דענסטמאל פלעג מען זיך אויסדריקען בדרך־משל: מ'האט גערעדט וועגען א „טאלאנטפולען אבער אונפאראנטווארטליכען מענשען".

עפענטליך האט מען וועגען אים געשוויגען, אבער אויף יענער אונבאשטימטער גרעניץ, וועלכע טיילט אב די פאלשטענדיגע עפענטליכקייט פון די האלב־פריוואטע געשפרעכען, איז דער נאמען פון וולאדימיר זשאבאטינסקי איבערגעחזרט געווארען אויף אלע אופנים. און ס'איז דוכט זיך נאר ניט געווען אזא באשולדיגונג, א אונברחמנות'דיגע און בלינדע, וועלכע מ'האט ניט געווארפען אויפ'ן חשבון פון דעם דאזיגען „משורף". דא זיינען געווען פארווארפען סיי אין אוואנטוריזם, סיי אין מאניא גראנדיאזא, סיי אין דעם, אז ער האט זיך פארקויפט דעם ענגלישען אימפעריאליזם, סיי אין ברעכען די פארטייאישע דיסציפלין. מ'האט זיך ניט אבגעשטעלט פאר נידריגע בלבולים, שמוציגע רכילות, אז ער נוצט אויס זיין לעגיאן־אידעע פאר אייגענע צוועקען, כדי צו באקומען „אנ'אטסטראטשקע" און, שיקענדיג אנדערע מענשען אויף א זיכערען טויט, אליין לעבען אין זיכערקייט, וואוילקייט און פראכט.

און די דאזיגע פאר'סמ'טע זוימען האבען גענעבען זייער פריכט. פון אויבען האט מען פארשריהען און פון אונטען מיט בלאטע אויסגעמישט דעם נאמען פון א מענשען, וועלכער איז ערשט ניט לאנג געווען די שטאלץ פון דער פארטיי, מיט וועמענס נאמען עס זיינען געווען פארבונדען אזוי פיל האפנונגען און מעגליכקייטען. פארטריבען, פארטריבען, פאריאגט, פארווארפען מיט בלאטע.

II.

וולאדימיר זשאבאטינסקי נויטיגט זיך ניט אין א פארטיידיגונג, אבער מיר נויטיגען זיך אין אים. אין די שטורמישע און שווערע רעוואלוציאנס־חדשים, ווען מענשען און געשעהענישען האבען געשטעלט פאר אונז איינע נאך דער אנדערער א שורה שווערע און פאראנטווארטליכע אויפגאבען,—וועמען פון אונז איז ניט איינגעפאלען אין קאפ א געדאנק: ווען זשאבאטינסקי וואלט דא געווען! שמערצליך שארף האט זיך געפיהלט, אז אנדערש, אפשר גאר אנדערש וואלט אויסגעזעהען אונזער קאמף און אונזער נצחון, ווען אין אים וואלט זיך אריינגעריסען דער קעמפער און דענקער, פובליציסט און רעדנער, פאעט און פאליטיקער, וועמענס נאמען ס'איז: וולאדימיר זשאבאטינסקי.

און ניט ווילענדיג דערמאנט מען זיך, אז שוין ניט דעם ערשטען מאל ווערט וולאדימיר זשאבאטינסקי ערקלערט פאר א מורד נעגען דער אפיציעלער פארטיי, ניט דעם ערשטען מאל קומט ער אין א סתירה מיט די פארטייאישע אנפירענדע קרייזען און תמיד קומט ארויס אזוי, אז סוף־כל־סוף לאזט זיך שטענדיג אויס, אז גערעכט איז ער; און אין א יאר־צוויי ארום נעמט אן די פארטיי דוקא דאס, וואס עס האט געפאדערט זשאבאטינסקי און פאר וואס מען האט אים געשטעמפעלט אלס „בונטאווטשיק". לאמיר דערמאנען זיין פאזיציע אינ'ם קאמף געגען דעם פוילישען באיקאט. נאר דער, וואס האט זיך געפיילט האט אים בקול רם ניט פארמשפט פאר זיינע „אונפאראנטווארטליכע ארויסטרעטונגען". און וואס איז געווען דער סוף? האט דען די פארטיי ניט אנגענומען אויף דער ווינער קאנפערענץ לחלוטין אלצדינג, פארוואס עס האט אזוי הייס פריהער געקעמפט זשאבאטינסקי?

און זיין פראגראם פון קולטור־ארבייט, די העברעאיזירונג פון גלות: וויפיל שפיזען עס זיינען צובראכען געווארען אין קאמף מיט איר. און שפעטער האבען זי בוכשטעבליך אבגעשריבען אונזערע אנפירענדע פארטיי־קרייזען,—נאר פארשווייגענדיג די קוועלע.

און מיט א געפיהל פון טיפען שמערץ דערמאן איך זיך אן דער גערעכטער פראזע פון זשאבאטינסקי וועגען זיך זעלבסט: „מיין קללה באשטעהט אין דעם, וואס איך זאג שטענדיג דעם אמת מיט פינף מינוט פריהער, איידער ער ווערט אנ'אלגעמיינעם פארמעגען. מיך באשיט מען מיט פאר־

וואורפען, מיך רופט מען אן מורד. דערנאך קומען די היסטארישע פינף מינוט. דער אמת ווערט פאר אלעמען באשיינפערליך און אין דעם דאזיגען מאמענט קומען אנדערע און חזרן אים איבער–אבער אין דער רעכטער צייט, און פאר זיי איז גרייט דער טריאומף״.

דאס זעלבע איז געשעהען אויך איצט.

זשאבאטינסקי האט אויפגעהויבען א מרידה געגען דעם בלוטלאזען נייטראליטעט, וועלכען כ׳האט אנגענומען די ציוניסטישע ארגאניזאציע אין דער וועלט־מלחמה. מיט דעם שארפען אויג פון א גרויסען פאליטיקער און א טעמפעראמענט פון א ווירקליכען טריבון האט ער געפאדערט, אז דער ציוניזם זאל „פארטיי־נעמען״ אין דעם דאזיגען קאמף פון פעלקער, פארלאנגט אן׳ענגלישע אריענטאציע פון אונזער באוועגונג.

דריי יאר נאכאנאנד האט ער עקשנות־דיג און פעסט געפירט זיין ליניע. און דריי יאר כסדר האט די פארטיי, אלס א פארברעכער און פאררעטער, מיט קללות און באליידיגונגען באשאטען אים פאר דער דאזיגער ענגלישער אריענטאציע.

עס זיינען דורכגעגאנגען די „היסטארישע 5 מינוט״. די געשעהענישען האבען באוויזען, ווי ריכטיג עס איז געווען דער פראגנאז פון דעם דאזיגען „פארברעכער און פאררעטער״. און אין דעם אפיציעלען „ראזסוועט״ לייענען מיר אין דעם רעדאקציאנס־ארטיקעל: „ענגלאנד איז געווארען אונזער באשיצערין, זי האט פראקלאמירט אונזער רעכט אויף א נאציאנאלען צענטער אין ארץ־ישראל. די גרויסע, מעכטיגע ענגלאנד לייגט דעם ערשטען שטיין פון אונזער נאציאנאלען בנין. עס זאל לעבען ענגלאנד!״..

איב אזוי, פרעגט זיך ניט ווילענדיג, אפשר איז ער גאר ניט געווען אזא „פארברעכער און פאררעטער״ אט דער דאזיגער גע׳רודפ׳טער און פארשוויגענער וולאדימיר זשאבאטינסקי... אפשר האט ער פארמאגט א באזונדערען חוש הראיה, דורך וועלכען ער האט אין שטורם און דראנג פון די געשעהענישען געזעהען די נביאישע רעגענבויגענס פון דעם עתיד, און אונזערע אפיציעלע נייטראליסטען זיינען פשוט געווען קורצזיכטיגע פאליטיקער פונ׳ם היינטיגען טאג, וועלכע האבען זיך קראפטלאז נאכגעשלעפט נאך די געשעהענישען און געבוקט זיך נאר פאר געשעהענע פאקטען...

פאר אונז, די פריינד און חברי לדעה פון זשאבאטינסקי׳ן, איז די דאזיגע פראגע געווען פאריים באשלאסען. מיר האבען געפילט און פארשטאנען די גאנצע טיפע אינערליכע גערעכטיגקייט און כח פון זשאבאטינסקיס פאליטיק. און מיט כעס און וועהטאג האבען מיר געקוקט אויף׳ן אומווירדיגען טומעל, מיט וועלכען ס׳איז געווען ארומגערינגעלט זיין נאמען אין משך פון די לעצטע יארען. מיר האבען געוואוסט, אז ס׳וועט קומען א טאג, ווען די אפיציעלע פארטייאישע חכמים, ווי ס׳איז שוין ניט איין מאל פארגעקומען, וועלען אנהויבען לויפען אויף די סטעזשקעלאך, וואס זיינען געווען פריהער פון אים אויסגעטראטען.

נאר אפילו ביי די טויזענדער פון יענע, וועלכע, זייענדיג געשטימדט און די קייטען פון אפיציעלער דאגמע, האבען מיט שוים אויף די ליפען איבערגע׳חזרט אלע פארווארפען און באשולדיגונגען בנוגע צו דעם „פארברעכער און פאררעטער״,—אויך ביי זיי מוזען דאך, פנים אל פנים מיט די פאקטען, געבוירען ווערען חאטש וועלכע־עס־איז ספקות אין דער ריכטיגקייט און ווארהאפטיגקייט פון יענער רדיפה-קאמפאניע, וועלכע איז געפירט געווארען ארום זשאבאטינסקיס נאמען.

איינס פון די ביידע: אדער עס זיינען „פארברעכער און פאררעטער״ אויך די אפיציעלע קרייזען, וועלכע האבען דורכ׳ן „ראזסוועט״ אויסגערופען: „עס זאל לעבען ענגלאנד!״, אדער זיי זיינען גערעכט. אבער דאן איז דאך גערעכט אויך זשאבאטינסקי, וועלכער האט פארשטאנען און געזאגט דאסזעלבע מיט עטליכע יאר פריהער, איידער זיי האבען זיך דערקלערט דערצו.

דאס דארף מען באגרייפען און מאכען דערפון דעם נויטיגען פועל־יוצא.

בלבול און קליינקעפעלדיגקייט האבען פארטריבען זשאבאטינסקין פון אונזערע רייהען. די גערעכטיגקייט און דער שכל דארפען אים אומקערען. מיר זיינען גאר ניט אזוי רייך, אז מיר זאלען זיך קאנען ערלייבען דעם פארגעניגען צו ווארפען זיך מיט מענשען פון אזא מאסשטאב, ווי זשאבאטינסקי. ס׳איז צייט אראבצורייסען דעם שווארצען נעגאנט פון חרם און שווייגען פון דעם געזיכט פונ׳ם גרויסען און מוטיגען מענשען, אומקערען אים אין אונזער סביבה, שטעלען אים אויף די פאדערשטע פאזיציעס, וועלכע זיינען פאסיג פאר אזא קעמפער און דענקער.

די לעצטע קיעווער געגענד־בעראטונג האט שוין אנגענומען א רעזאלוציע, אין וועלכער זי פאדערט פונ׳ם מרכז, אז ער זאל רופען זשאבאטינסקין צו דער אקטיווער ארבייט אין דעם רוסלענדישען ציוניזם. אין א רייהע פון וואהל־קרייזען געהט ער

ניט קוקענדיג אויף דער אפאזיציע פון די פארטייאישע מנהיגים, בראש פון אונזערע צעטלען. זשאבאטינסקיס נאמען ערוואכט ווידער אין אונזער באוועגונג, איצט מוז ער אליין אומגעקערט ווערען אין אונזערע רייהען.

י. שיכטמאן.

די אידישע קהלה און די געזעלשאפטליכע ארגאניזאציע.

(א בליק אין דער פארגאנגענהייט).

1.

צום ערשטען מאל ארגאניזירט זיך דאס גאנצע רוסישע אידענטום אהן אונטערשייד פון פארטייען און איבערצייגונגען, צום ערשטען מאל האבען מיר אויף דער אידישער גאס אן׳אלגעמיין־אידישע קהלה, וועלכע דארף ארומנעמען אלע אידען און באפרידיגען אלע זייערע נאציאנאלע אינטערעסען, זייערע מאטעריעלע און גייסטיגע צרכים.

ביז אהער איז די אידישע קהלה, הן אין דער פראווינץ הן אין די צענטרען, געווען בלויז א חורבן, אנ׳איינגעפאלענער בנין, וואס איז אונטערגעהאלטען געווארען דורך א גרויסער צאל נאציאנאלע באגרענצונגען און גזירות. דאס רעליגיעזע לעבען, וואס איז פארגליווערט און פארארעמט געווארען אין משך פון לעצטען האלבען יאר־הונדערט, האט ניט געקאנט מער צובינדען צו זיך און פאראייניגען גייסטיג דעם גאנצען אידישען עולם. די שטארקע היסטארישע פעסטונג, וועלכע עס האט מיט זיך פארגעשטעלט די קהלה אין דער תקופה פון געטא, האבען אנגעהויבען צו פארלאזען איינע נאך די אנדערע פארשידענע יחידים און גרופען מיט דער כונה אדער אוועקצוגעהן אין גאנצען פון דער ענגער אינטערעסען־וועלט פון אידענטום, אדער קעמפען און ארבעטען פאר דער פארברייטערונג און פארטיפונג פון די אידישע נאציאנאלע אינטערעסען אין פריוואטע געזעלשאפטען, וועלכע האבען זיך געבילדעט ווי לעבעדיגע בליהענדע פלאנצונגען ארום דער אלטער, צופאלענער קהלה. די זכיות און חובות פון דער אידישער קהלה זיינען עקספראפריאירט געווארען דורך די פארשידענע חברות. זיי האבען פארשפרייט בילדונג און קולטור אין פאלק, זיי האבען מיטגעהאלפען דער אנטוויקלונג פון האנדעל און מלאכה ביי אידען. און אין זייער ארבייט זיינען זיי אפט געקומען אין נגוד, אין סתירות מיט דער אלטער קהלה, וועלכע האט זיך פון איצט אן געהאלטען ביי אירע ענג־ריטועלע אינטערעסען און איז ניט ארויס פון דער מחיצה פון בית־מדרש.

אין דער טעטיגקייט פון די פארשידענע חברות פאר די לעצטע 50 יאר קאן מען אונטערשיידען צוויי תקופות, און אין יעדער תקופה איז זייער באציהונג צו דער אידישער קהלה און זייער ארט אין דער אידישער קהלה א לגמרי פארשידענער.

אין דער ערשטער תקופה, וועלכע ענדיגט זיך כמעט ביים סוף פון פאריגען יארהונדערט, שטעהען די חברות אין אפאזיציע צום אלטען טראדיציאנעלען אידענטום, צו דעם נאך ניט געריהרטען, פעסטען שיכט פון פאלק, פון המון, וועלכער גרופירט זיך ארום דער אלטער אידישער קהלה. די אלטע קהלה איז אין דער דאזיגער תקופה די הערשענדע אויף דער אידישער גאס. די רעליגיעזע אינטערעסען, אדער, ריכטיגער געזאגט, די ריטועלע פארנעהמען דעם הערשענדען פלאץ אין לעבען; אויף דער אויבערפלאך פון אידישען מאסען־לעבען זעהען זיך נאך כמעט ניט קיין סימנים פון דער איראפייאישער קולטור און נאציאנאלער אויפלעבונג. די אלטע קהלה איז נאך די מושלת בכפה, אויף איר צד שטעהט דער רוב מנין און רוב בנין פון פאלק, און אין דעם שעפט זי כחות, כדי מלחמה צו האלטען מיט יעדען, וועלכער קומט מורד זיין קעגען איר. די מאכט פון די רבנים און גבאים איז נאך זעהר גרויס, זיי געהערט דער גרעסטער געזעלשאפטליכער אויטאריטעט, און די קליינע קרייזען, וועלכע זיינען ניט מסכים מיט זייער שיטה און זייער וועלט־השקפה, האבען ניט קיין אנדער ברירה, ווי אונטערצוגעבען זיך, אדער פירען זייער ארבעט אין דער שטיל.

אין אזא צייט, ווי די, וועלכע מיר שילדערן, האבען אפילו אזעלכע עלעמענטארע און אלגעמיין־פארשטענדליכע פאדערונגען, ווי פארשפרייטען ערד־ארבעט און מלאכות ביי אידען, פארבעסערן די ערציהונג פון מיידלאך און איינפירען אין די חדרים גרינדליכערע למודים פון תנ״ך—ארויסגערופען א התנגדות, און עס איז געווען נויטיג, אז עס זאלען געשריבען ווערען גאנצע פעק ספרים און געפירט ווערען אנ׳אגיטאציע אין דער פרעסע השכם והערב, כדי צו מאכען מעגליך דורכצופירען אין לעבען אזעלכע תקונים. אזעלכע מענשען, ווי ר׳ יצחק בער לעווינזאהן, וועלכער וואלט ביי היינטיגען טאג לגמרי ניט אויסגעזעהן ווי רעוואלוציאנערע אפיקורסישער דענקער, וועלכע דאס פאלק וואלט איצט באקרוינט מיט׳ן טיטעל רבי, זיינען אין זייער צייט געווען כופרים בעיקר, וואס האבען דאס פאלק אראפגעפירט פון וועג.

די אַלטע קהלה און דאָס פאָלק, וואָס איז געווען קאָנצענטרירט אַרום איר, האָט געהאַט פאַר איר צוועק, הגם מען האָט הענגען דעם ווייניגער געחקר'נט ווי היינט, דעם קיום פון אידענטום אין דער אָרט, ווי זיי האָבען אים פאַרשטאַנען; די גאַנגער פון דער קהלה זיינען געווען די יחידי־סגולה. וועלכע האָבען פיהרער פון אַנדערע, צוליב באַשטימטע סבות, אויפגענומען די אייראָפּייאישע קולטור און אָנגעהויבען אויך די אידישע אינטערעסען צו פאַרשטעהן מער אָדער ווייניגער אייראָפּייאיש. דאָס זיינען געווען נאָר יחידים, און אפילו דאַמאָלס, ווען זיי האָבען אָרגאַניזירט חברות, כדי דורכצופירען אין אידענטום זייערע געדאַנקען, האָבען די חברות אויסגעזעהן גאַנץ אַנדערש, ווי מיט צעהן־צוואַנציג יאָר שפּעטער. די מיטגלידער פון די חברות זיינען געווען צושפּרייט איבער דער גאַנצער מדינה, פלעגען זעהן, ווי מענשען, וואָס זיינען פאַרבונדען דורך אַ באַשטימטען אידעאַל, און אַ יעדער קאָרעספּאָנדענץ איינע מיט די אַנדערע. זעלטען־וואו זיינען זיי אין איין שטאָט געווען מער פון אַ מנין, און דער מנין נע'רודפט און באַקאַמפּטע משכילים האָט ניט געהאַט אונטער זיך קיין מאַסען, אויף וועלכע ער זאָל זיך קאָנען שטיצען, בשעת אין אַלע אידעען און שטרעבונגען האָט ער איינענטליך געהאַט אין זינען די אידישע מאַסע.

דער המון עס איז נאָך דאַמאָלס ניט געווען לגמרי באַרירט פון דער אייראָפּייאישער קולטור, ער האָט ניט אויפגענומען די מאָדערנע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעען, און האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אָפּט, דערהויפּט אין דער פּראָווינץ, יענע אונחיסענדע סטיכישע קראַפט, אויף וועלכער עס האָט זיך געקאָנט שטיצען די אַלטע קהלה אין איר קאַמף נעגען די משכילים, און אין דעם איז באַשטאַנען איינענטליך די טראַגעדיע פון יענער אינטעליגענץ: זי איז געגאַנגען פאַר'ן פאָלק אָבער נאָך ניט מיט'ן פאָלק. און ווער עס געהט ניט מיט'ן פאָלק מוז סוף כל סוף אַראָפּגעהן פון ריכטיגען וועג, מוז פאַרלירען דעם היסטאָרישען חוש, וועלכער האָט זיין שורש נאָר אין דעם מאַסען־לעבען; ער מוז געהן אויף אומוועגען, בלאָנדזען און ליידען.

דאָס איז די קללה פון דער געשיכטע, וועלכע עס האָט געטראָגען אויך די עסקנים פון יענער צייט. ניט באַקומענדיג קיין יניקה פון דער אידישער מאַסע, האָבען די משכילים געזוכט אַ יניקה אין דער רוסישער פאָלקס באַוועגונג און האָבען, ניט באַמערקענדיג, אַליין, איבערגעטראָגען אויפ'ן אידישען באָדען אידעען און שטימונגען, מיט וועלכע עס איז געווען דורכגעדרונגען אין יענער צייט די רוסישע אינטעליגענץ און די רוסישע ליטעראַטור. דאָס שטרעבען צו קאָלאָניזאַציע און צו ערד־אַרבעט, וועלכע האָט זיך פאַרשטאַרקט צווישען דער אידישער שטודירענדער יוגענד און אינטעליגענץ אין די 80־ער יאָרען, איז געקומען פון דער רוסישער ווירקליכקייט מיט אירע אַגראַר־אינטערעסען, ער האָט געשעפּט פון יענעם געזונטען, נאָר פרעמדען גייסטיגען קוואַל, פון וועלכען עס האָבען געשעפּט טורגעניעוו, טאָלסטאָי און אַנדערע. און אַזוי האָבען די קליינע חברות פון דער אינטעליגענץ זיך געטרייסט און זייער געזעלשאַפטליכער איינזאַמקייט צווישען זייער אייגען פאָלק.

פאַרלירענדיג יעדען געזונטען צוזאַמענהאַנג מיט'ן פאָלק, האָבען די געזעלשאַפטליכע עסקנים פון יענער צייט געמוזט אויסשטעהן נאָך אַ שורה ווייטערדיגע נסיונות, דורכמאַכען נאָך ווייטערדיגע טעות'ן: זיי האָבען געמוזט זוכען אַ קראַפט, אויף וועלכער זיי זאָלען זיך קאָנען שטיצען אין זייער מלחמה נעגען דער קאָנסערוואַטיווער מערהייט פון פאָלק. און די קראַפט האָבען זיי געפונען: אינוויינינג—ביי געצעהלטע אידישע מעצענאַטען, אויסוועניג—ביי דער רוסישער רעגירונג. אין אידישען פאָלק האָט—אַ דאַנק זיין באָדענלאָזיגקייט,—רייכקייט שטענדיג פאַרשאַפט אַ באַשטימטען אויטאָריטעט און אנזעהן, וואָס איז געווען אַלץ גרעסער, וואָס ערגער און עלענדער עס זיינען געווען די אָרעמע אידישע מאַסען. גרויסע קאַפּיטאַלען זיינען אין רוסלאַנד צוערשט אַריינגעפאַלען אין די הענט פון יענע אידען, וועלכע האָבען די ערשטע זיך גענומען צום האַנדעל מיט אויסלאַנד און צו דער גרויסער אינדוסטריע, און דאָס זיינען בסילא שוין געווען, לויט זייער געזעלשאַפטליכען מצב, מענשען, וועלכע האָבען פאַרזוכט דעם טעם פון אייראָפּייאישער קולטור. צווישען זיי האָבען דעריבער לייכט געפונען שטיצער און אָנהייגער די משכילים פון אַלע אַרטען און פאַרבינדען, און דאָס האָט אויפגעהויבען זיי אין די אויגען פון פאָלק; מען האָט פאַר זיי אָנגעהויבען דרך ארץ צו האָבען, אָבער דער געזעלשאַפטליכער כאַראַקטער פון דער ווייטערדיגער טעטיגקייט איז דורך דעם דוקא פאַראַליזירט געוואָרען ביי פילע חברות, וועלכע האָבען פון איצט אָן אָנגעהויבען טראָגען אַ כאַראַקטער פון צדקה דורך בילדונג, צדקה דורך געצייג און מאַטעריאַלען, צדקה דורך שיפסקאַרטען, צדקה דורך קאָלאָניזאַציע. און די ענדערע דערשלאָגענע טיילען פון פאָלק האָבען זיך אַוואַרף געטאָן צו די חברות, נאָר דאָס איז ניט געווען קיין פאָלק, וואָס איז אויפגעשטאַנען צו שמידען זיין אייגענעם גורל, נאָר אַ הונגעריגע מאַסע, וואָס האָט אויסגעשטעקט די הענט צו בעקומען צדקה פון די שטאַרקע און פאַרמעגליכע.

און אַלס אַ צווייטער שותף איז אין דער צייט אויפגעקומען די כלומרשט ליבעראַלע רעגירונג, וועלכע האָט אונטער דער מאַסקע פון קולטור געוואָלט אַסימילירען אַלע קליינע פעלקער פון רוסלאַנד בכלל און דאָס אידישע פאָלק בפרט. אונזערע משכילים זיינען געווען אין יענער צייט פּאָליטיש קורצזיכטיג און ניט ערצויגען. ניט האָבענדיג קיין עלעמענטאַרע השגה וועגען דער זעלבסטבאַשטימונג פון פעלקער, ניט שעצענדיג אין זייער אייגענעם פאָלק זיין אייגענטימליכקייט און אינדיווידועלע גאַנצקייט, ווייענדיג דורכגעדרונגען מיט קנעכטישע געפילען צו די „ליבעראַלע“ הערשער פון לאַנד, זיינען זיי געגאַנגען מיט זיי אין איין וועג, האָבען זיי מיטגעהאָלפען אויסצורייסען און צושטערען די אייגענאַרטיגע, היסטאָרישע קולטור און טראַדיציע, וועלכע האָט זיך קאָנצענטרירט דוקא אין די אַלטע רעליגיעזע קהלות און האָבען זיך באַמיהט צו פאַרבייטען זי מיט פרעמדע רוסישע קולטור פאָרמען.

אַזוי האָבען זיך די חברות פאַרוואַנדעלט אין צימאַרען פון אַסימילאַציע. די אינטעליגענץ האָט זיך אין גאַנצען אָפּגעריסען פון פאָלק, און האָט ניט ווילענדיג, מיטגעהאָלפען, די פיינד פון פאָלק, איינצוהייבען זייער אומרייניגע בלוטיגע האַנט אויף דער אָרעמער, פאַרגליווערטער אידישער טראַדיציע, אין וועלכער עס איז געלעגען דער סוד פון דורות־לאַנגען קיום פונ'ם באָדענלאָזען פאָלק.

די אַסימילאַציע איז געקומען צו איר אינווענינגסטער סתירה, דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון די אידישע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס איז פאַרלאָרען געגאַנגען אין דער אידישער געזעלשאַפטליכער געדאַנק איז געבליבען שטעהן פאַר אַ דונקעלען תהום, וועלכער באַצייכענט דעם סוף פון יענער תקופה.

ש. חרותי.

הכשרים.

1.

צייט מיר זיינען אָבגעריסען געוואָרען פון אונ'אייגענעם באָדען, וואָס מאַכט אַ פאָלק שעפעריש, און אָנגעהויבען פירען אונזער נאַציאָנאַל לעבען אויף אַ פרעמד ערד, אינטערן דרוק און השפעה פון פרעמדע—איז ביי אונז אויך גלייכצייטיג ווי אָפּגעשטאַרבען דאָס אינטואיטיווע געפיל, די נאַטירליכע אינסטינקטיווע נייגונגען, וועלכע זיינען שטענדיג די וועג־ווייזערס אינ'ם לעבען ניט בלויז פון אַ יחיד, נאָר אויך פון אַ כלל. דעריבער מאַכען האָבען אונזערע גדולי־האומה אויף יעדעם פאָלקס־פאַרלאַנג און אויף אימליכע נייע נאַציאָנאַלע פאָדערונג,—געזוכט תמיד אַ מין ספּעציעלע הסכמה, אַ הכשר. און געזוכט האָבען זיי אים ניט אינ'ם לעבען גופא, נאָר אין די סוראָגאַטען פון לעבען, אין די ספרים. דער „עם קשה עורף“, וואָס האָט קיינמאָל ניט געבויגען זיין קאָפּ פאַר שונאים, האָט אָבער כמעט שטענדיג, בפרט ווען נייע אידעען האָבען זיין מוח געענבערט—געזוכט „אַ תניא דמסייע“ ביי פרעמדע.

און געזוכט האָט ער דעם הכשר, נאַטירליך, אין די ערטער, וועלכע ער האָט צו יענער צייט געהאַלטען פאַר מער הייליג און בסילא פאַר מער אויטאָריטעטער. בעת דער הויפּט־יסוד פונ'ם פאָלקס־לעבען איז געווען די רעליגיע און מיט איר איז געווען דורכגעוועבט די גאַנצע אידישע מחשבה—איז זי געווען דער איינציגער מקור, וואו מען האָט אויף אַלע נייע ערשיינונגען און אידעען געזוכט אַ הכשר. נעמט, למשל, די תלמודישע הנחה, אַז „עין תחת עין“ מיינט ניט דירעקט אַן אויג, נאָר—געלט, וואָס דאָס איז, דוכט זיך, אַזוי נעדרונגען פון זיך אַליין, פון דער גאַנציר תלמודיש־מאָראַלישער וועלט־אַנשויאונג, האָט מען זיך דאָך אַזוי לאַנג ניט באַרוהיגט ביז מ'האָט ניט באַקומען, דורך פאַרשידענע פּלפּולים—אַ הכשר פונ'ם פסוק (זעה אחד־העם'ס מאמר: „תורה שבלב“).

אפילו אַזאַ מין הומאַניטאַרע דאָגמע, ווי „התורה חסה על ממונן של ישראל“—איז מיט דער צייט געוואָרען אַ נייער הכשר, אַרום וועלכען ס'איז אויסגעוואַקסען אַ ליטעראַטור מיט הונדערטער נייע הכשרים'לאַך.

אויף אַזאַ אופן איז געשאַפען געוואָרען אַ לאַנגע קייט פון אַ מערקווירדיגער הכשר־ליטעראַטור. די שפּעטערדיגע האָבען געזוכט ביי די פריהערדיגע, די תלמודיסטען—אין תורת משה; די ווייטערדיגע—ביי די תלמודיסטען. און אַזוי ווייטער און ווייטער אָהן אַ סוף. און ניט בלויז אין ענינים, וואָס זיינען נוגע געווען די אמונה, האָט מען כסדר געזוכט הסכמות אין הכשרים,—דאָס איז נאָך פאַרשטענדליך; ווייל יעדע רעליגיע איז דאָגמאַטיש און בויט זיך אויף אויטאָריטעטען,—נאָר אויך אפילו בעת מ'האָט אַביסעל אָנגעהויבען „אייראָפּעאיזירען“ די אידישע מאַסען, אינ'ם אָנהויב פון דער השכלה־באַוועגונג,—אויך דעמאָלט האָט מען כסדר געזוכט אַ הכשר פון אויבען. אַזאַ פּשוטע און נאַטירליכע זאַך, ווי די נויטווענדיגקייט צו לערנען די לאַנדס־שפּראַך און די עלעמענטאַרע ידיעות, וואָס אימליכער מענש

דאַרף קענען—אויך פֿאַר דעם האָט מען געדאַרפֿט האָבען אַ ספּעציעלע ערלויבעניש פֿון די ספרים; מ'מוז קאָנען „חכמות היצוניות“—אַזוי האָט מען גע'טענה'ט - כּדי מ'זאָל קאָנען טיפֿער דערגרונטעווען די הייליגע תורה. ווײַזעל, רי"בל און אַנדערע האָבען געמוזט אַרויסלאָזען גאַנצע ספרים, פֿול מיט פּסוקים און מימרות, כּדי מכשר צו מאַכען די השכלה פֿאַר'ן פֿאָלק.

ס'איז קיין שום נײַע וועלט-אידעע ניט אָנגענומען געוואָרען ביז וואַנען זי האָט ניט באַקומען אַ הכשר פֿון דער תורה, און אַז אַן אַלטער משכיל האָט אָנגעשריבען אַ מאמר, אין וועלכען ער האָט דעם העברייאישען לעזער באַקאַנט געמאַכט מיט דער טעאָריע, אַז די וועלט איז ניט פּלוצלינג געשאַפֿען געוואָרען אין 6 טעג, נאָר אין משך פֿון טויזענטער יאָרען, האָט ער דאָס אויך געמוזט אויפ'ן קונציגען אויפ'ן באַווײַזען פֿון תהילים: „אלף שנים בעיניך כיום אתמול“ ד. ה. בײַ גאָט איז טויזענט יאָר—אַ טאָג און אין דער תורה שטעהט, אַז אין 6 טעג איז געשאַפֿען געוואָרען די וועלט, הייסט דאָס אין... 6 טויזענט יאָר (מיכל וועלבער אין זײַן מאמר אין זאַמעלבוך „תלפּיות“ און אין זײַן בוך „אַ בליק פֿון דער וועלט“); סלאָנימסקי האָט אין זײַנע מאַטעמאַטישע און אַסטראָנאָמישע ווערק געמוזט כּסדר אײַנפֿלעכטען גאַנצע פּסוקים, כּדי עס זאָל דורך דעם געשאַפֿען ווערען דער געוואונשטער הכשר.

ווער ווייסט דען ניט פֿון די אַלע אַטאַקעס, וואָס די אַלטע משכילים-שרײַבער האָבען געמאַכט אַנטקעגען די „הכשרים“, ווער האָט דען ניט געלייענט דעם „הדת והחיים“, „חטאות נעורים“ און אַנדערע? און מיט וואָס האָבען זיי דען אַלײן געזוכט צו צעשטערען דעם בנין?—ווידער טאַקע מיט נײַע הכשרים. דער רב אין „הדת והחיים“ האָט ניט געפֿונען דעם נייטיגען הכשר, דרום האָט ער טריף געמאַכט די בהמה, און דער משכיל שמואל האָט יאָ געפֿונען אַ פּאַסענדען הכשר, דרום האָט ער כּשר געמאַכט.

אפילו אַזאַ פֿאָלקס-באַוועגונג, ווי דער ציוניזם, וואָס זײַן מהות איז אַזוי פּשוט און פֿאַרשטענדליך: רעוואָלוציאָניזירען די גלות-פּסיכאָלאָגיע, איבערבויען דעם גאַנצען פֿאַרשימעלטען לעבען—אויך ער האָט, אין דעם אָנהויב פֿון זײַן אַנטוויקלונג, געמוזט אָנקומען צו אַ הכשר, און די פֿרומע וועלט האָט זיך ניט באַרוהיגט ביז וואַנען ס'איז ניט אַרויס אַ מתּיר מיט 150 הסכּמות פֿון די גדולי-הדור, וועלכע האָבען מכשיר געמאַכט דעם ציוניזם.

און וואָס איז געווען מיט'ן חסידות? — דער פּראָטעסט קעגען דער טרוקענהייט אין פּעסימיזם אינ'ם אידישען לעבען איז אויך באַגרינדעט געוואָרען מיט... נײַע פּסוקים, מיט נײַע הכשרים...

2.

די אַלע הכשרים, וועלכע זײַנען דערמאָנט געוואָרען אויבען, זײַנען סוף כּל סוף געווען פֿאָרט אינעווייניגסטע, אייגענע, פֿון דעם זעלבען קוואַל: דער היתר האָט געדאַרפֿט קומען פֿון דער פֿאָלקס-שאַפֿונג גופא, פֿון די אייגענע אויטאָריטעטען. אַזאַ מין זוכעניש איז געווען, אייגענטליך, ווי אַ בריק צווישען דעם עבר און דעם עתיד. ס'האָט באַרייכערט אין אַ געוויסען זין די פֿאָלקס-קולטור און די ליטעראַטור. דאָס אומנייטיגע האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם נוצליכען און ס'איז פֿאָרט אַרויסגעקומען אַ נײַ באַשעפֿעניש מיט אַ נאַציאָנאַלען פּרצוף.

אָבער זײַט בײַ זײַט מיט דער הכשר-זוכעניש פֿון אינעווייניג — איז אויך געגאַנגען די הכשר-זוכעניש פֿון אויסווייניג.

ווי אַזוי איז דאָס געשעהן?

דאָס געטאָ האָט זיך אין גאַנצען געעפֿענט: אַ פֿרישער שטראָם האָט זיך אַרײַנגעגאָסען אין דער חמורער וועלט, דער פֿריהערדיגער מגפיע איז געוואָרען אַ מישפּע, וואָרים צו שטאַרק איז געווען די וועלט-קולטור און זי האָט געמוזט סוף-כּל-סוף פֿאַרחאַפּען מיט אירע מעכטיגע חוואַליעס דאָס קלײנע הײפֿעלע תּמים אידען. און דער עיקר: די אמונה האָט שוין אָנגעהויבען פֿאַלירען און די השפּעה און אויפֿגעהערט צו זײַן דער אײנציגער וועגווײַזער פֿאַר'ן פֿאָלק.

ס'האָט אויפֿגעהערט מבטל צו מאַכען די גאַנצע וועלט מיט אירע חכמות, וואָס זײַנען „כּקליפּת השום“ אַנטקעגען דער הייליגער תורה מיט איר טיפֿקייט, און די „יפיפיתו של יפת“ האָט אָנגעהויבען—טריט בײַ טריט—אַרײַנדרינגען אין די „אָהלי-שם“. און מערקווירדיג: ווי שעהן איז די גרויסע וועלט! קוקט נאָר! איך בײַ זיי זײַנען דאָ קאָפּ-מענשען, גרויסע חכמים און... ווי קלײן איז אונזער וועלטעל אַנטקעגען זייערע גרויסע און ברייטע האָריזאָנטען. און אפשר פֿאַרקערט: אפשר איז זייער וועלט נאָר שענער?

דאָס פֿאָלק האַלט זיך אָבער בײַ דער אַלטער תּורה, דער געזונטער נאַציאָנאַלער אינסטינקט טענה'ט: די וועלט איז שעהן—אָבער זי איז מיר פֿרעמד, און די, וועלכע זײַנען געשטאַנען איבער'ן פֿאָלק, האָבען אַלײן דורכגעלעבט די מלחמה צווישען אײראָפּע און אידישקייט; די נשמה ציהט צו זיך, צו דעם אַלטען מקור, אָבער דער קאָפּ געפֿינט

זיך שוין אין דער גרויסער וועלט. האָבען זיי זיך געמאַכט אַ פּשרה: „היה יהודי באהלך ואדם בצאתך“ דאָס איז אָבער ניט געווען בלויז אַ פּשרה, נאָר ווידער אַ הכשר.

און ווען ס'זײַנען געקומען מאָדערנע מענשען, האָבען זיי אָנגעהויבען זוכען מאָדערנע הכשרים. קראָכמאַל האָט געזוכט בײַ העגעלען אַ הכשר אויף דעם יהדות, שפּינאָזע איז דאָך געווים אידישקייט (ד"ר שלמה רובין), קאַנט און די תּורה איז אײנס (הערמאַן כּהן), שלײַערמאַכער איז חסידות (האָראָדעצקי), ניטשע איז די צווייטע אויפֿלאַגע פֿון אידענטום (צייטלין, בערדיטשעווסקי), און אַפילו דער אָריגינעלער אַחד-העם האָט ניט געקאָנט אַריבערגעהן רוהיג דעם פּסוק „ואתם תהיו לי ממלכת כּוהנים“ און ניט מאַכען, דרך אגב, אַ באַמערקונג, אַז דאָס איז אפשר דער „איבער-מענש“ פֿון ניטשע...

און ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ נײַע קניעניש און בוקעניש—פֿאַר דער גרויסער וועלט-פֿילאָזאָפֿיע. אומעטום האָט מען געזוכט אַ פֿילאָזאָפֿישע הסכּמה אויף אונזער אַרט לעבען. די אַלע מאמרים, וועלכע זײַנען געשריבען געוואָרען אין משך פֿון די צענדליגער יאָרען: „מאַרקס און דאָס אידענטום“, „טאָלסטאָי און די אידען“, „רענאַן און זײַן באַציהונג צו דעם אידענטום“ א. א. זײַנען באמת געווען נאָר אַ זוכעניש פֿון נײַע הכשרים, אמת מאָדערנע. פֿריהער האָט מען געזוכט פֿאַר'ן ציוניזם אַ הכשר פֿון רבנים און שפּעטער—בײַ די „גדולי-הדור“ פֿון דער גרויסער וועלט.

די הכשרים געהן מיט דער צייט. יעדער דור זוכט אַ הכשר בײַ זײַנע גדולים. אויך איצט האָט די הכשרים-זוכערײַ ניט אויפֿגעהערט, אויך אונזער צייט האָט זוכה געווען צו דעם סאָרט ליטעראַטור.

דאָס, וואָס די אידישע לינקע פּאַרטײַען שטעהן נאָך ווײַט פֿון דער פֿאָלקס-באַוועגונג, פֿונ'ם ציוניזם, איז אין אַ געוויסער מאָס אפשר דערפֿאַר, ווײַל זיי האָבען נאָך עד היום ניט באַקומען דעם נייטיגען הכשר פֿון זייערע רבנים, פֿונ'ם סאָציאַליסטישען „שולחן-ערוך“. די אָבער, בײַ וועלכע דער נאַציאָנאַלער אינסטינקט איז גובר דעם סאָציאַלען און עס שטעהט זיי אַנטקעגען, ווי אַ שטן, דער „מאָדערניזם“ — זיי האָבען זיך געשאַפֿען אַ מין סינטעז, אַ נײַעם הכשר. געקומען איז דער פּועלי-ציוניזם און האָט זיך געשאַפֿען אַ „היסטאָרישע מאַטעריאַליסטישע תּורה“, וואָס הייסט: געהן אין ארץ-ישראל אינ'ם נאָמען פֿון סאָציאַליזם. און די מאָדערנע נשמה האָט זיך באַרוהיגט: דער הכשר איז געפֿונען.

אַז אָן אַזאַ טינטע ליגט אַ גרויסער חלק פֿון דעם אַמאָליגען משפּילישען „הכשריזם“, — ווענען דעם האָבען זיי ניט געקלערט.

דער מוסר השכל איז פּשוט: אַ פֿאָלקס-באַוועגונג מאַג ניט און דאַרף ניט זוכען בײַ קיינעם קיין סאַנקציע. כ'בין איד, ווײַל אַזוי בין איך; כ'בין ציוניסט, ווײַל מײַן אינסטינקט זאָגט מיר אונטער, אַז דאָס איז דער בעסטער וועג. איר זאָגט: דער ציוניזם איז אַנטקעגען דעם דעמאָקראַטיזם—אפשר יאָ, און אפשר נײן,—מיר איז אָבער פֿאָרט ליבער צו פֿאַרבלײַבען בײַ מײַן נאַציאָנאַלען „איך“. אַזוי האַנדעלט אַ געזונט פֿאָלק, אַזוי טוען פֿאַר אונזער אויגען אַ סך יונגע דעמאָקראַטישע פֿעלקער, וועלכע דערגען ניט בלינד דעם אַבגאָט פֿון דעמאָקראַטיזם. איר זאָגט: „די ציוניסטישע וועלט-אַנשויאונג פֿאַרטונקעלט דאָס קלאַסען-באַוואוסטזײַן—אפשר יאָ, אפשר ניט—און איר ברענגט ראיות-אָבער מיר זוכען ניט בײַ קיינעם קיין הכשרים.

די הכשרים האָבען געשאַפֿען אינ'ם אידישען לעבען סתירות און די סתירות—הכשרים, אָבער אויפ'ן שווערען וועג, וואָס דאָס אידישע פֿאָלק מאַכט איצט דורך, אויפ'ן וועג צו אַ נאָרמאַלען און געזונטען לעבען, מוז פֿאַרלוירען געהן, ווי אַן אַלטער מלבוש, די גראָבע קאָרע פֿון הכשריזם, וואָס האָט אונז תּמיד בלויז געפּענטעט און פֿון וועג אַראָפּגעפֿירט.

מ. לייזעראָוויטש.

אַקטיוו אָדער פּאַסיוו?

דעם צווייטען געבורטס-טאָג פֿון דער אוקראַינישער ראַדע באַגעגענט די אידישע באַפֿעלקערונג, בנוגע צו אירע נאַציאָנאַל-אידישע אינטערעסען, מיט אַ געוויסער אומרוה און זאָרג: די ערשטע באַגײַסטערטע רייד וועגען ברידערליכקייט און פֿולבאַרעכטיגונג פֿון נאַציאָנען קלינגען איצט ווי אַ שענער אָנדענקען פֿון פֿאַרלוירענע האָפֿנונגען און חלומות, אין ערוועקען, ווי יעדעס אויפֿוואַכען פֿון אַ זיסען שלאָף, מרה-שחורה'דיגע, טרויערדיגע געדאַנקען. אויפ'ן פּאַפּיר איז אַלץ געבליבען, ווי פֿריהער. אפילו דאָס געזעץ וועגען דער נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע איז געבליבען בהקפּות, געענדיגט האָט זיך אָבער די שטימונג. אויף דער פּאָליטישער סצענע זײַנען געקומען נײַע מענשען, און די אַלטע הויבען אָן צופּאַסען זיך צו די נײַע, פֿאַרגעסענדיג היינט, וואָס זיי האָבען מיט אַזאַ התלהבות געזאָגט ערשט נעכטען.

—„אויף אוקראַינאַ לעבט נישט אײן נאַציאָן“—האָט פֿאַר אַ יאָרען געזאָגט פּראָפֿעסאָר גרושעווסקי

—און בויען דאס גליק פון • אוקראינא וועלען מיט גלייכע רעכט אלע נאַציאָנען, וואס וואוינען אין לאנד.

—„אידען און רוסען ציהען צו ריסלאנד, זיי זיינען נוטה צו מאָסקווע, דעריבער טאָרען זיי נישט צוגעלאָזען ווערען צו קיין שום פאראנטוואָרטליכע פאָסטען און דארפען אין דעם מלוכה-אפּאראט קיין אָרט נישט פארנעמען”.

אזוי טענה'ט איצט סטעפאנענקא, דער איצטיגער באליבטער טריבון און אין דער נאָהנסטער צוקונפט דער רעגירונגס-פירער. און זיינע ווערטער געפינען א הייבעדיגען אָבקלאנג נישט נאָר אין דער הויך, צווישען פובליקים, נאר אפילו צווישען די אוקראַינישע פארטיי-פארשטעהער.

„עס זיינען נישטא קיין מלוכה'שע נאַציאָנען און נישט מלוכה'שע נאַציאָנען, פעלקער פון ערשטער און צווייטער קאַטעגאָריע. אלע נאַציאָנען זיינען גלייך און אלע באַהעפטען זיך אין איין גלייכען נאַציאָנאַלען פארבאנד-די פעדעראציע פון פעלקער.

אזוי האט מיט התלהבות ערקלערט אויף דעם פעלקער-צוזאמענפאר אין קיעוו דער פאטריארך פון דער אוקראַינישער באַפרייאונגס-באַוועגונג, דער געסטאָר פון דער אוקראַינישער געשיכטע—פּראָפעסאָר גרושעווסקי.

און אין די אייגענע ווענט פון דער אייגענער ראַדע קלינגען ערשט אַלט-נייע ווערטער: „העט וויטסעלעוואַ זשידי אי מאָסקאַלי”, ווי שטויק-קנוילען פאַלען רכילות און באַשולדיגונגען: פאַררעטער, בונדים א. א. וו. און באַגייסטערט קלינגען אַפּלאָדיסמענטען צווישען פובליקום אין זאַל—און אין די אויגען צינט זיך אָן דאס באַקאַנטע בייזע פייערל פון שנאה און האס...

און עס האָבען זיך איצט אַרומגעקוקט אונזערע אידישע רעַעל-פּירער, די „קרוב-למלכות-פאַרטיי” אַז „אויף דער שיפּקאַ איז נישט אַלץ רוהיג”, און מיט אַ טעאַטראַליש-גרויסאַרטיגער מינע פון רוימישע פּאַטריציער רופען זיי איצט אויס:

די אידישע אַווטאָנאָמיע איז אין סכנה!...

אַ גאַנצען, לאַנגען יאָר פסדר האָבען זיי, די רעגירונגס-פּאַרטיי, געהאַלטען זיך ביי דער טויט-געבוירענער פיקציע פון אַ אידישען מיניסטער; וואָס איז געזאַלבט געוואָרען אויף זיין כסא מלוכה פון אַ האַלבען מנין אייגענע פאַרטיי-חברים. אָהן שום שטיצע פון דעם אידישען פאָלק, אָהן שום סמיכות-דפרשיות צו די אידישע מאַסען. קיינעם נישט געפרעגט, קיינעם נישט געהערט. אַ גאַנץ יאָר זיך געשפּילט אין אַ לעבעדיגע אָפּערעטע פון אַ גוט-ברידער-קלייזעל, וואָס מען האָט בלשון סגי נהור אַ נאָמען געגעבען „נאַציאָנאַל-ראַט”, זיי אין אַ שלעכטען טעאַטער אָנגעקלעפּט אויף שטומע סטאַטיסטען פּנאַק-סענע כערד, זיי געזאַלבט פאַר דעם אידישען „סנהדרין”, אַרום זיך געשאַפען אַ וויסטען מדבר, קיין ילוד-אשה האָט זיך נישט אינטערעסירט נישט מיט דעם נאַציאָנאַל-ראַט און נישט מיט דעם מיניסטער.

אין דער ראַדע גופא נישט צוגעלאָזען קיין איינהייטליכע אידישע פאַרטרעטונג, קיין איינציג מאָל נישט דערלאָזען, אַז אין דער ראַדע זאָל זיך לאָזען הערען די איין-איינציגע שטימע פון אידישען פאָלק שטענדיג צושפּאָלטען אויף פינף פאַרטייען, צוריסען אויף שטיקער, פלעגט מען אין דער ראַדע אָבשפּילען שטענדיג די טרויעריגע סצענעס פון אונזער פאַרטיי-רייסעניש. קיין שום איינהייטליכע אָריענטאַציע, קיין שום איינהייטליכעס אַרויסטרעטען אין אידישע פראַגען. קיין מאָל דאָס פאָלק נישט געלערענט באַשיצען זיין נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, שטענדיג נאָר פאַרשאַפט די קליינסטע סתירות און געמאַכט פון אַ וואָרט אַ קוואָרט. מיט ישיבה-בחורישען פלפּול געפירט די קליינליכע פאַרטיי-קאָנקורענץ; אַ האָר געשפּאָלטען אויף טויזענד טיילען און דערפון געמאַכט אַ גאַנצע „וועלט-אַנשויאונג”. זאָלען אונטערגעהען די אידישע פאָלקס-אינטערעסען, אַבי עס זאָל בלייבען אין זיין כפול-שמינה'דיגער כשר'קייט דער סאָציאַליסטישער פּרינציפּ.

איצט רופען זיי צו אַקטיווער אַרבייט.

און מיר ערקלערען אָפען און אַנטשלאָסען: מיר, די פּאַרטיי פון דער מערהייט פון אידישען פאָלק, מיר שטרעקען אייך ווידער אויס די האַנד, מיר ווילען געהען מיט אייך צוזאַמען צו „אַקטיווער אַרבייט”, אָבער—צו אַקטיווער אַרבייט און נישט צו קיין פיקטיווער אַרבייט.

אויף דער טרויעריגער סצענע פון דעם אידישען לעבען שווימט ווידער אַרויס אין תכריכים איינגעהילט דער פריהערדיגער מת—דער נאַציאָנאַל-ראַט. אויף דעם מת געשמיצט, ווילען ווידער די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען גרינדען די אידישע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג מיט דעם אונטערשיד, אַז אויף'ן אָרט פון 20 מיטגלידער, ווי פריהער, וועלען זיי איצט אויסקלייבען 50 מיטגלידער.

מיר ערקלערען, אַז דאָס וועט ווידער זיין די אייגענע פיקציע, די אייגענע אויגען-פאַרבלענדעניש, נאָר אין אַ גרעסערער מאָס.

אַ גרינד-פעהלער ווערט נישט קלענער דערפון, וואָס מען נעמט איהם אין אַ גרעסערען מאָסשטאַב, פאַרקעהרט, מען כפלט נאָך דאָמאָלס דעם פעהלער, מען מאַכט איהם נאָך גרעסער.

איבער די נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג וועט ווידער געבויט ווערען דורך דעם אייגענעם פּאָליטישען קלייזעל פון דעם פריהערדיגען נאַציאָנאַל-ראַט, וועט דערפון נאָר נישט אַרויסקומען. דאָס רעדעל וועלען ווייטער פירען איינצעלנע קיעווער פאַרטיי-פירער, וואָס זייערע מיינונגען זיינען שוין גוט באַקאַנט איינע דער אַנדערער, קיין שום מאָראַלישען אויטאָריטעט וועט די דאָזיגע אַנשטאַלט נישט האָבען, הינטער איר וועלען נישט שטעהן קיין שום גרופּען, אויסער איינצעלנע אָרגאַניזירטע פאַרטיי-מענשען, און קיין שום זאַך וועט אַזאַ פאַרזאַמלונג נישט קענען אויפטון.

מיר שטעהען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז די צייטווייליגע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג דאַרף צוזאַמענגעשטעלט ווערען פון פאָרשטעהער פון אידישע קהלות. די אידישע קהלות זיינען אויסגעקליבען געוואָרען אויף דעמאָקראַטישע יסודות, פון גאַנצען פאָלק, און דאָס וועט זיין די אמת'ע פאָלקס-פאַרטרעטונג.

מאָמער וועט אַזאַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון אַלע קהלות זיין טעכניש צו שווער אויסצופירען—קען מען זיך דערווייל באַגניגענען מיט דעם, אַז מען וועט צוזאַמענרופען אין קיעוו, נאָר די גרעסערע קהלות, וואו, למשל, די צאָל פון די אידישע איינוואוינער איז נישט קלענער ווי 20.000. קיין שום קונציגע וואַהל-שפּיצלאַך טאָרען נישט צוגעלאָזט ווערען, נאָר בלויז אָביעקטיווע באַדינגונגען.

די קהלות, וואו קיין וואַהלען זיינען נאָך נישט פאָרגעקומען, דאַרפען זיך איילען צו מאַכען די וואַהלען, אין ערגסטען פאַל וועלען זיי צושיקען שפּעטער זייערע דעלעגאַטען.

די צאָל פון די קהלות-דעלעגאַטען דאַרף זיין נישט וועניגער ווי 100. אויב מיר וועלען אָננעהמען אַ באַגרענצונגס-מינימום פון 20.000 מיטגלידער פאַר יעדען דעלעגאַט, וועלען מיר האָבען לויט דער סטאַטיסטיק 102 דעלעגאַטען.

דאָס איז אונזער פאָרשלאַג, אַ אידישער און אַ דעמאָקראַטישער. אַלע אַנדערע פלפולים און חקירות און דרעהענישען מיט ציפערן און פאַרטייען זיינען נאָר מיטלען צו פאַרפעלשען די אידישע געזעלשאַפטליכע מיינונג.

צו אַזאַ אַרבייט וועלען מיר אונזער האַנד נישט צולעגען, פאַרקערט מיר וועלען געגען איר אַרויסטרעטען מיט דער גאַנצער שאַרפקייט.

און מיר ערקלערען די סאָציאַליסטישע אידישע פאַרטייען:

זיי האַלטען איבער אונז דעם ביטש, מיט וועלכער, זיי האָבען ביז אַהער אויך געוואָלט געוועלטיגען—דאָס איז די אויסערע קראַפט—די אוקראַינישע מלוכה-אַנשטאַלטען. מיר ווייסען דאָס גאַנץ גוט. דאָרט געוועלטיגען זיי, ווייל אונבארופענע אידישע פאָלקס-פאַרזאָרגער האָבען אַזוי אומגעלומפּערט צוטיילט דאָס אידישע פאָלק אויף 5 קליינע פּאָליטישע פראַקציעס, און די גרויסע אידישע פאָלקס-מאַסען אין גאַנצען אַרויסגעוואָרפען.

ווי פריהער אַזוי איצט ערקלערען מיר, אַז מיר האַלטען די אַריינמישינג פון דער מלוכה-קראַפט אין אונזערע אידישע ענינים פאַר פאַרקלענערונג פון אונזערע נאַציאָנאַלע רעכט, אַז מיר קענען אַנערקענען אין אינווייניגסטע אידישע ענינים נאָר דעם באַשלוס פון דער אידישער פאָלקס-פאַרטרעטונג.

ווען איר, אידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען, געגען דעם ווילען פון אידישען פאָלק זיך שטיצען אויף דער אויסערער מאַכט—וועלען מיר אייך נישט אַנערקענען און קיין שום מאָראַלישען ווערט וועט איר נישט האָבען.

איר וועט אַרויסגעבען פאַראָרדנונגען—פאַר אונז וועלען זיי זיין רעפּרעסיעס; איר וועט מאַכען תקנות—פאַר אונז און פאַר דעם גאַנצען אידישען פאָלק וועלען זיי זיין—אכזריות, געזעצען וועט איר שרייבען—פאַר אונז וועלען זיי זיין גזירות.

מיט געוואַלט וביד חזקה וועט איר איבער אונז נישט געוועלטיגען.

דאָס מזל פון פאָלק מוז איבערגעגעבען ווערען בלויז אין די הענט פון פאָלק—דאָס איז אונזער לאָזונג, און אין זיין נאָמען וועלען מיר פירען די אידישע נאַציאָנאַלע-פּאָליטיק.

דאָס אידישע פאָלק איז שוין ברוך השם אויסגעוואַקסען פון זיין קינדער-ווינעלע. קיין שום נישט געקליבענע אַפּיטראָפּסים וועלען איהם מער נישט פאַרוויגען אין דעם טויט-שלאָף פון נאַבלעסינקייט און אַפּאַטיע.

מיר רופען צו אַקטיווער אַרבייט און שטרעקען אייך אויס די הענד.

מיר ווייסען, אַז אונזער האַנד וועט, ווי פריהער, בלייבען הענגען אין דער לופטען. דאָס שרעקט אונז נישט, צו עהרליכע געגנער וועלען סיי-ווי קומען און אין דער אידישער נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג פירען זייער קאַמף.

מ. נ. סירקין.

נאַטיצען און אבקלאַנגען.

דער בעסטער אויסוועג.

אַנ'ערך מיט צוויי חדשים צוריק האָבען מיר מזהיר געווען די אידישע „רעגירונגס־פּאַרטייען" אויף אוקראַינע, זיי זאָלען זיך בעסער אָפּזאָגען פון דער צופעליגער מתנה, וועלכע איז אין איילעניש געשענקט געוואָרען די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען, — פון די נאַציאָנאַלע מיניסטעריומ'ס; אַנשטאָט דעם, — האָבען מיר זיי פאָרגעלעגט — זאָלען זיי אונטערשטיצען אונזער פאָדערונג, אַ גערעכטע און לאָגישע, — צו שאַפען נאַציאָנאַלע סטאַטס־סעקרעטאַריאַטען. דער חילוק צווישען די ביידע פאָרמען איז זעהר גרויס. אַ נאַציאָנאַל מיניסטעריום איז אַ טייל פונ'ם אוקראַינישען מלוכה'שען אַפּאַראַט, אַ רינגעלע אין דער קייט פון די איבעריגע מיניסטעריומ'ס, — אַ סטאַטס־סעקרעטאַריאַט איז אַנ'אָרגאַן פון דער אינוויינגער אידישער אויטאָנאָמיע. אַ נאַציאָנאַלער מיניסטער איז אַ היבער מלוכה־באַאַמטער, דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר איז אַ נאַציאָנאַלער פאָרשטעהער.

כ'זיינען פאַרביי בכך־הכל עטליכע וואָכען, און אַלע אונזערע אזהרות ווערען מקוים. בלויז איז אויף איין חודש איז איבערגעריסען געוואָרען די טעטיגקייט פון די נאַציאָנאַלע מיניסטעריומ'ס, אָבער מ'קאָן שוין איצטער כמעט זיכער פאָרויסזאָגען, אַז זיי וועלען צוריק ניט אויפגעשטעלט ווערען, לכל הפּחות ניט אין דעם פריהערדיגען געשטאַלט. צו צופעליג, צו אומגעלומפּערט איז געווען דער דאָזיגער אינסטיטוט. נישט אומזיסט האָט די קאָמיסיע פון דער ראַדע אויסגעשלאָסען פונ'ם געזעץ וועגען אויטאָנאָמיע דעם אַרטיקעל וועגען נאַציאָנאַלע מיניסטעריומ'ס, ערקלערענדיג דאָס דערמיט, וואָס „זייער מהות און האַראַקטער איז גאָר ניט קלאָר".

פון איין זייט וויל מען אונז ניט אַריינלאָזען אינ'ם מיניסטאָרען־קאַבינעט, פון דער צווייטער זייט קען אַמאָל טרעפען (און אפשר טאַקי גאַנץ אָפּט), אַז מיר אַליין זאָלען ניט וועלען אַריינטרעטען אין אים. און גראָד ביי דער איצטיגער פּאָליטישער לאַגע וועט זיך ניט געפינען, דוכט זיך קיין איין אידישע פּאַרטיי, וואָס זאָל נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער פּאָליטיק פונ'ם אוקראַינישען קאַבינעט. צי הייסט דאָס אָבער, אַז די אידישע באַפעלקערונג אויף אוקראַינע דאַרף בלייבען אָהן אַ שום פאָרשטעהערשאַפט? צי באַמת דאָס, אַז מ'דאַרף אָפּשטעלען די פאַרווירקליכונג פון אונזער אויטאָנאָמיע, ביז די אוקראַינישע פּאָליטיק וועט ווידער צוגעפּאַסט ווערען צו אונזערע אַנשויאונגען? וואָלט עס דען ניט געהייסען, אַז מיר האָבען זיך פרייוויליג אָפּגעזאָגט פון אונזער אויטאָנאָמיע?

די לאַגע איז זעהר פאַרפּלאָנטערט. די אוקראַינישע מאַכט וועט זיך שעמען „פאַרקלענערען די מאַכט" פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען און פאַרוואַרלען די נאַציאָנאַלע מיניסטעריומ'ס און נאַציאָנאַלע סטאַטס־סעקרעטאַריאַטען. זי וועט זיך ליבער מיט פאַרגעניגען באַגעהען אָהן שום נאַציאָנאַלער פאָרשטעהערשאַפט ביי דער רעגירונג. אַנשטאָט די אָפּגעשטאָרבענע נאַציאָנאַלע מיניסטעריומ'ס מוזען געשאַפען ווערען נאַציאָנאַלע סטאַטס־סעקרעטאַריאַטען; פון אונז גופא מוז דאָס איצט אַרויסגעהן, דאָס מוז געטון ווערען לויט אונזער איניציאַטיוו. לאָזען זיך די געוועזענע אידישע רעגירונגס־פּאַרטייען ניט אַנשפּאַרען. לאָזען זיי זיך אויפריכטיג מודה זיין אין זייער טעות.

דאָס איז דער איינציגער אויסוועג פון דער שווערער לאַגע, אין וועלכער מיר געפינען זיך איצט.

מ. ה.

מיט איין פּאַרטיי ווייניגער.

אכט „פּאַרטייען" זיינען מיר געווען, איז איינע „אויסגעשטאָרבען", זיינען געבליבען זיבען...

די „פּאַרטיי", וואָס איז איצט אַזוי גוט ווי געשטאָרבען, האָט זיך גערופען — לויט פּעטראָגראַדער נוסח — „גרופּע": די „דעמאָקראַטישע גרופּע" ע״ה. און, מערקווירדיג, געניטע פּאָליטישע דאָקטוירים קאָנען זאָגאַר ניט פעסטשטעלען איר טויט, ווייל די דאָזיגע „פּאַרטיי", ווייזט זיך אַרויס, האָט גאָר קיינמאָל קיין דופק ניט געהאַט..

געוועזען אַמאָל אַ צייט, ווען, ניט היינט געדאַכט, עס איז נייטיג געווען, אַז אַ האַלבער מנין מענשען זאָל זיך אַמאָל אין אַ שמיטה פאַרזאַמלען אין אַ קלייזעל, כּדי ער זאָל קאָנען גילטען פאַר אַ באַזונדערע „גרופּע", הגם מ'האָט ניט פאַרמאָגט ניט קיין פּראָגראַם און ניט קיין אַנהיינגער. אפילו אין יענע צייטען איז די דעמאָקראַטישע גרופּע געווען די בלאַסטע און בלוט־אָרעמסטע אין פּעטראָגראַד. דאָס איינציגע, וואָס זי האָט פאַרמאָגט אייגענס, איז געווען — דאָס שילד, דער נאָמען, און ניט קוקענדיג דערויף, וואָס צווישען די מענשען, וואָס האָבען ע״פּ טראַדיציע געהערט צו איר, זיינען אויך געווען גאַנץ טאַלאַנטפולע און דערקענטע פּערזאָנען, איז די „גרופּע" דאָך געווען בעצם אַ ברכה לבטלה.

און די סבה איז גאָר אַ פּשוטע: די „דעמאָקראַטישע גרופּע" איז געווען און געבליבען אין דער בחינה פונ'ם „תינוק שנשבה". זי איז געבליבען שטעקען בראשה ורובה אין דער אַלטער אַסימילאַציאָנס־אידעאָלאָגיע. קיין אידיש פּראָגראַם האָט די „דעמאָק. גרופּע" קיינמאָל ניט פאַרמאָגט. נאָכמער: די „דעמ. גרופּע" האָט זאָגאַר קיינמאָל ניט געפיהלט, אַז עס פעהלט איר אַ אידיש פּראָגראַם. זי איז געווען איינגאַנצען פאַרטון אין „פּראַוואָזשיטעלסטווע", איר אידעאַל איז געווען, אַז אידען זאָלען באַקומען אין רוסלאַנד בירגער־רעכט, מענשליכע רעכט, דערמיט, איינגענטליך, ווערט איינגאַנצען אויסגעשעפּט די פּאָליטישע שטימונג פון דער דאָזיגער קליינער גרופּע דעמאָקראַטען. און וואָלט ווינאַווער'ס גרופּע ניט געווען אַזאַ נאָענטע קרובה מיט די קאַדעטען, וואָלט די „דעמאָק. גרופּע" מסתמא ניט געמאַכט פאַר זיך שבת.

אין יענע צייטען האָט מען אָבער קיינעם ניט גענומען אויפ'ן פאַרהער און מ'האָט ניט בודק געווען צי זיין גרופּע האָט אַ „דופק" צי ניט. ווייבאַלד מען פאַרמאָגט אַ „נאָמען" האָט מען שוין ממילא געהאַט דעם זכות צו זאָגען אַ דעה דעם כּלל־ישראל, און אַז מען פלעגט קלייבען אין פּעטראָגראַד אַ מנין „פאָרשטעהער", כּדי מיישב צו זיין זיך מכח עפּיס אַ קהל'שען ענין, פלעגט מען שוין ממילא אויך פאַרגעהן צו דער „דעמאָקראַטישער גרופּע"...

אַז ס'איז געקומען די רעוואָלוציע און דער „פּראַוואָזשיטעלסטווע"־אידעאַל איז מקוים געוואָרען, זיינען טאַקי די מענשען, וואָס האָבען ע״פּ רגילות אָנגעהערט צו דער „דעמ. גרופּע" — זיך צעשיואומען. געבליבען זיינען נאָר אַ פּאָר געצעהלטע מענשען, וועלכע מ'האַלט אין פּעטראָגראַדער קהל פאַר אַפּיציעלע פאָרטרעטער פון דער דאָזיגער גרופּע. און אויך די לעצטע צייט טרעפט מען צווישען אונזערע פּאַרטייען אויך דעם נאָמען פון דער דאָזיגער „פּאַרטיי".

איז אָבער געקומען אַ צייט, וואָס פאָדערט פון פּאַרטייען אויסער „נאָמען" אויך מעשים. עס זיינען געקומען די הכנות צום אידישען צוזאַמענפאָר, און „פּאַרטייען" קאָן שוין איצט ניט יוצא זיין בכוח מיט'ן פּאַרטיי־שילד, מיט אַלטע יחוס; פירמע אַליין איז שוין ניט גענוגענד, מען דאַרף האָבען פאַרבינדונגען צווישען די מאַסען־שיכטען, מען דאַרף האָבען ווירקליכע מיטגלידער און אַ לעבעדיגען פּאַרטיי־אַפּאַראַט.

און דאָס אַליין האָט די „דעמאָקראַטישע גרופּע" קיינמאָל ניט געהאַט. און וואָס איז נוגע דעם אידישען צוזאַמענפאָר — עקזיסטירט זי איצט לחלוטין ניט.

פאַרשטעהט זיך, אַז פאַר אַ אידישער פּאַרטיי איז דאָס דאָך אַזוי גוט ווי געשטאָרבען: אַליין זיך אָוועקגענעבען אַ טויט־אורטייל...

זיינען, אַלזאָ, פון אונזערע 8 „פּאַרטייען" געבליבען „בלויז" 7...

זאָלען מיר דערויף פאַרגיסען ביטערע טרערען?...

ש. ש.

טשלענאָוו און דער „החבר".

(אַ בלעטל זכרונות)

די מיטגלידער פון דער אויסלענדישער ציוניסטישער סטודענטען־אָרגאַניזאַציע „החבר" ווייסען גאַנץ גוט, וואָס דער „החבר" און אויסלאַנד, איבערהויפּט אין יאָר 1913-14, איז געווען און וואָס פאַר אַ אָפּאָזיציע ער האָט געגרייט געגען דעם בעל־הבית'שען ציוניזם. דער „החבר", וועלכער איז אין דעם אויבענדערמאָנטען פּעריאָד אָנגעפיהרט געוואָרען דורך די חברים גראָסמאַן, שעכטמאַן און ווינשאַל, האָט געוואָלט שאַפען אַזאַ מין פאַרבאַנד פון אַ פרייען און יונגען ציוניזם, וואָס זאָל אויסוואָרצלען די צופּוילטקייט פון דעם פאַרגליווערטען און „ק.־ואַנעם" ציוניזם.

די ערנסטקייט פון דער אַרבייט און די מוסטערהאַפטיגע אָרגאַניזאַציע פון „החבר" האָט אַרויסגערופען דעם גרעסטען כּבוד און ליבע פון די עלטערע ציוניסטען, אפילו פון די, וועלכע זיינען אין תוך געווען אַנטקעגען די וועגען פון „החבר".

אויף דעם 3-טען צוזאַמענפאָר פון „החבר", וואָס איז פאָרגעקומען אין היידעלבערג אין חדש מאַי 1914, איז אַלס פאָרשטעהער פון דעם ציוניסטישען אַקציאָנס קאָמיטעט געקומען אויך דער פאַרשטאָרבענער ד״ר טשלענאָוו. אין אַ טייל פון דער שטורמערישער אַרבייט פּראָבלעמען און ברענענדיגע שאלות, וואָס זיינען באַהאַנדעלט געוואָרען אויף דעם צוזאַמענפאָר, האָט טשלענאָוו גענומען אַ לעבהאַפטען אַנטייל און אַלס אַלטער ערפאַרענער ציוניסט און פּאָליטיקער, האָט ער גאַנץ גיך אָנגעטאַפּט די פאַרבאָרגענע אינערעלע כּוחות, וואָס זיינען פאַראַן אין דעם „החבר" און די גרויסע מלחמה, וואָס ער קאָן, ביי אַ נאָרמאַלער אַנטוויקלונג, ערקלערען אים אַליין און זיין ציוניסטישע וועלט־אַנשויאונג.

און דאָך האָט זיך געפיהלט אין זיין יעדער וואָרט, אַז די נייע אָפּאָזיציע איז אים ליב און אַז די נייע „מתנגדים" זיינען אים פיל ליבער, ווי אַנדערע „חסידים".

דער בעסטער סימן איז געווען דאָס, וואָס ער אַליין האָט אויסגעפּועל'ט ביי דער ציוניסטישער

ארגאניזאציע א געלט-שטיצע פאר דעם „החבר", כדי מען זאלען קאנען פירען די ארבייט און ווערען דער כח, וואס וועט אפשר סוף כל סוף אויפשטעהען געגען אים און זיין ציוניזם גופא.

די טאלעראנץ און סבלנות, וואס ער האט ארויסגעוויזען בנוגע צו דעם „החבר" איז אפשר איינע פון די בעסטע מעלות פון ד"ר טשלענאוו.

און אויב בנוגע צו אנדערע איז ער א סך מאל געווען צופיל „פאליטיש-קלוג", איז ער בנוגע צום „החבר" געווען שטענדיג הארציג און הבר'יש.—

אלס אילוסטראציע וועט זיין גענוג איבערצוגעבען פאלגענדע מעשה:

אויף דעם אויבענדערמאנטען צוזאמענפאר איז אנגעקומען פון פראנקפורט אויך פראפ. ווייצמאן, וועלכער האט דאמאלט געפירט אונטערהאנדלונגען מיט'ן פראפ. ערליך וועגען אריבערפארען קיין ארץ-ישראל. ער איז אנגעקומען אין סאמע „ברען", ווען ס'האט זיך באהאנדעלט די פראגע וועגען דער באציהונג פונ'ם „החבר" צו אנדערע סתם נאציאנאליסטישע סטודענטען-ארגאניזאציעס. זיין אנקומען האט איבערגעריסען די זיצונג נור דורך א קליינער באגריסונג פונ'ם פארזיצענדער, און די ארבייט האט זיך ווייטער געפירט ווי פריהער.

ווייצמאן האט זיך געווענדעט צו טשלענאוו'ן—אויפ'ן אויער—מיט א שאלה:

— „ווי מיינט א. ר., די דאזיגע „חברה-לייט" וועלען אונז אמאל ארויסווארפען פון דער ארגאניזאציע?

און טשלענאוו האט אים געענטפערט:

— „ווי דערלעבט מען שוין די צייט".

ליידער האט ער די צייט ניט דערלעבט.

מ. ל.

פארשווינען.

2.

דער אנארכיסטישער פויקער.

איר טרעפט אים אין סמאלנעם אינסטיטוט, וואו ער לויפט ארום, ווי א פארסמ'טער, מיט צישויבערטע האר, מיט אן אבגעשפילטע ט'ייארין שמוציגע העמדל, און צוריסענע הויזען, במחילה, און שיך מיט „אפענע מיילער"; און אויגען האט ער ברענענדיגע, און א פנים א בלאסע, מיט א לאנג אויסגעצויגענע האלז, ווי ביי א גאנער...

הכלל, א פארשווין, וואס ווארפט זיך אין די אויגען.

און ער איז עס דער פויקער פונ'ם פעטראגראדער אנארכיזם. ריידען רעדט ער נאר פון באמבעס און פון דינאמיט. און אז ער רעדט שפייט ער בשעת-מעשה, און אז ער שפייט אויס זיינע ווערטער, צוקאכט ער זיך און ווערט מלא-רציחה, פאכט מיט די פויסטען, ליארעמט דערביי, און איז אין כעס אויף דער גאנצער וועלט...

באשר וואס? ער איז ניט צופרידען מיט דער רוסישער רעוואלוציע. ניט דאס, זאגט ער, זיינען „מיר" אויסען געווען מיט „אונזער" גאנצען קאמף מיט דער פארפלוכטער בורזשואזיע. לענין און טראצקי—גוואלדעוועט ער—האבען א „בורזשואזע פסיכאלאגיע". זיי פארציהען בבוין די סאציאליסטישע גאולה. צו וואס צערעמאניען זיי זיך מיט די בורזשויעס, א סוף דארף מען מאכען מיט איין קלאפ פון דעם מין קאפיטאל בכלל, פון דער בורזשואזער מלוכה-ארדנונג; אויס ממשלה, אויס מאכט—זאל לעבען דער אנארכיזם!...

ארום אים געפינען זיך תמיד זיינע „נושאי-כלים", א פאר מאטראסען, געשיקטע יונגען, און א פאר יונגע ארבייטער. וואס ער זאגט, איז א חוק ולא יעבור. פרובט עפּיס זאגען שטעכטס אויפ'ן אנארכיסטישען פייקער—זייט איהר ניט זיכער מיט'ן לעבען...

אין סמאלנעם ווייסט מען גוט, אז דער ראווינער האלב-משוגענער אידישער בחור'ל האט א געוואלדיגען ערפאלג צווישען די מאטראסען, האט מען א פנים מורא מיט אים זיך איינצורייסען, לאזט מען אים „קריכען אויפ'ן קאפ". ער פילט זיך אין לענין'ס רעזידענץ, ווי א בן-יחיד. ווען עס פאלט אים איין, זידעט ער און מאכט צו בלאטע גלייך, און אפילו די גדולים פון סמאלנעם שלינגען עס אראב.

פון וואנען קומט צו אים די אנארכיסטישע פראוואלאגיע מיט'ן גאנצען קלאפערגעציינג?

עס איז ניי-יארקער „סחורה".

אין ניו-יארקער איסט-סייד קאנט איר טרעפען אזעלכע פארשווינען א היבש ביסעל. דארט האבען זיי זיך אנגעהאפט מיט די אנארכיסטישע פסוקים, וועלכע זיי האבען נאך עד-היום ניט פארדייט. דארט האבען זיי געפירט א מלחמת-מצוה מיט'ן רבונו-של-עולם, מ'האט דעם גאנצען כעס אויסגעלאזט צום יום-כפור און צום סאציאליסטישען „פארווערטס". איצט האבען, אין א גוטער מזל'דיגער שעה, עטליכע פון זיי אראפגעבראכט די אנארכיסטישע סחורה קיין פעטראגראד. אונזער העלד איז געווען איינער פון די ערשטע, וואס די עמיגראנטען-שיף האט מיט אים אונז זוכה געווען.

עס איז גענוג אים איין מאל צו הערען ריידען, כדי צו דערקענען, אז זיין „בינטעל פראזען"

שטאמט פונ'ם ניו-יארקער אידישען קווארטאל. די מאטראסען מיינען, אז עס איז ביי אים איינענס, אז ער האט אט די אלע „פראגען" אליין דורכגעטראכט און דורכגעווייטאגט. זיי חלומ'ט זיך גאר ניט, די פויערים פון וואלאגדא און סימבירסק, אז מען שפייזט זיי מיט לאנג-פארשימעלטע, פארלעגענע סחורה פון ניו-יארקער אידישען איסט-בראדוויי...

דער אידישער בחירל האט פאר זיי אמעריקע ענטדעקט:

—פאליטיק—דרשנ'עט ער—איז א „בלאף", ווילסאן איז א פייקער (שווינדלער בלצ"ו), אים, וואס ווייסט דעם סוד, אז קיין דופק איז בכלל ניט בנמצא, וועט איר שוין די ציין ניט פארדרייען מיט אייער „פארלאמענטאריזם" און מיט אייער „סאציאליזם"...

און אז ער צוקאכט זיך שוין שטארק, פארגעסט ער זיך, אז ער איז אין פעטראגראד און ניט אין ניו-יארק, ווארפט ער דורך, אגב, זיין דרוש מיט אמעריקאנישע ווערטלאך:—נעווער מיין—פאכט ער מיט זיין אויסגעדארט האנט—מיך דארפט איר „ביזנעס" ניט לערנען... איך פארשטעה זיך אויף מאנקעביזנעס (שמד-שטיק בל"ז).. אייערע סאציאליסטישע באסעס (בעלי-בתים) זיינען ניט בעסער פון די אמעריקאנישע פאליטישע גנבים.. מיר קענען זיי...

איר זאלט זיך מיט אים ניט שפילען! ער איז געווען אין ניו-יארק, האט געהערט „ספיטשען" עמא גאלדמאן (א מין ניו-יארקער קאלאנטאי, א אנארכיסטישע דערצו), האט געקעמפט מיט די „פארווערטס-לייט" און האט אבגעדרוקט א „פאלקס-שטימע" אין יאנאווסקי'ס „פרייער ארבייטער שטימע"...

זייט פארזיכטיג, ער איז אייך ניט אבי-יוער, דער פייקער פונ'ם פעטראגראדער אנארכיזם, ער איז נאך אין ניו-יארק געווען אן אנארכיסט און האט זיך באטייליגט אין אנארכיסטישען פיקניק, האט פארקויפט בילעטען „צום נוטצען פון די קלאק-מייקער"...

און אויב אין ניו-יארק, צווישען אונז גערעדט, איז ער אפילו ניט געווען קיין גרויסער „קנאקער", דערפאר האט ער אבער אין פעטראגראד באוויזען גדולות ונפלאות.

און כדי ניט מאריך צו זיין, וועט גענוג זיין צו דערצעהלען איינע פון זיינע פילע המצאות. ער האט זיך מיישב געווען און האט זיך אויף אן אספה בקול רם געווענדעט צו די גדולים פון סמאלנעם מיט אזא מין פראקטישען פארשלאג:

—מיר פאדערען פון אייך—האט ער אויסגעשריען—אז איר זאלט אונז געבען דינאמיט און באמבעס, כדי מיר זאלען אויפרייסען דעם סמאלנעם אינסטיטוט און זאל דאס פאלק איין מאל פאר אלע מאל פטור ווערען פון אייך און פון אייער בורזשואזער מאכט...

און שטעלט אייך פאר, די גדולים פון לענין'ס מלוכה האבען אויסגעהערט דעם קלוגען פארשלאג און מ'האט דעם צוהיצטען מטיף'ן בעל-דבר אפילו מיט קאלטע וואסער ניט אבגעגאסען..

א אנארכיסטישער בן-יחיד קאן זיך ערלויבען צו מאכען אפילו אזא מין פארשלאג אין סמאלנעם...

ש. שנייפאל.

די לאגע פון אידען אין פוילען.

(פון פארבשטיינ'ס פארטראג).

פאריגע וואך האט קיעוו באזוכט דער באקאנטער ציוניסטישער כלל-טוער, דער פארזיצענדער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פוילען ה. פארבשטיין, וועלכער האט דאנערשטאג דעם 14-טען מארט געהאלטען אין ציוניסטישען קלוב א פארטראג וועגען דער לאגע פון די אידען אין פוילען.

„כ'וואלט וועלען אייך ברענגען א פרעהליכען גרוס פון אייערע פוילישע ברידער,—האט פארבשטיין אנגעהויבען זיין פארטראג,—נאר ליידער האט מען ביי אונז אין פוילען שוין פארגעסען, וואס הייסט פרעהליך זיין".

ציערשט דערצעהלט פארבשטיין וועגען די אכזריותדיגע מעשים פון דעם רוסישען מיליטער, הארצרייסענדע פרטים וועגען דעם, ווי מ'האט איינגאנצען חרוב געמאכט דאס אידישע האב און גוטס און ארויסגעשיקט אלע אידישע איינוואוינער פון העכער 50-60 שטעט. א וואליע פון היימלאזע האט דאן פארפלייצט ווארשא און, וויפיל מ'האט ניט געארבעט האט מען ניט געקאנט באפרידיגען די נויט פון אלע אנגעקומענע. אין ווארשא זיינען פארבליבען העכער 200 טויזענט היימלאזע. אין א שעהנעם פריהמארגען איז ארויס א באפעהל, אז אט די גאנצע מאסע היימלאזע זאל ארויסגעשיקט ווערען קיין טיף רוסלאנד. ס'פארשטעהט זיך, וואס פאר א יללה ס'האט זיך אויפגעהויבען און נאר אדאנק דער ענערגישער מיה פון די ווארשעווער נאציאנאלע כלל-טוער, איבערהויפט די ציוניסטישע, איז געלונגען צו פארקלענערען די גזירה.

א סך האט מען געהאט אויסצושטעהן פון די ווארשעווער אסימילאטארען, וועלכע האבען שטענדיג געשטערט די ארבייט און ניט געוואלט צולאזען, אז מ'זאל נעמען שטיצע ביי די רוסישע אידען — די פאליאקען זאלען זיך חלילה ניט דערוויסען דערפון.

מיט'ן אנקומען פון די דייטשען האט זיך דאס בילד, נאטירליך, געביטען, אבער די צרות זיינען

געבליבען די איינענע. מ'איז באלד ארויסגעפארען אין דער פראווינץ מיט'ן צוועק אומצוקערען אויף זייערע ערטער די אידען, וועלכע האבען די מעגליכקייט דאָרט צו ציהען חיונה. און דאן האט זיך אין די שטעטלאך פארגעשטעלט א שרעקליך בילד: אין א סך שטעט זיינען געווען פארברענט און רואינירט אויסשליסליך אידישער הייזער — און אין די אידישע קראמען האט מען געטראפען פוילישע בעלי-בתים. די לאגע איז געווען א שרעקליכע. דאך האט מען ווי-עס-איז א טייל פון די צוריקגעקומענע איינגעארדענט.

אין דערזעלבער צייט האט זיך אין ווארשא אנגעהויבען א נייע טראגעדיע: די פרנסות קוואלען זיינען פארשוואונדען און צעהנער טויזענטער מענשען זיינען געבליבען אהן מיטלען צום לעבען. דער מיטעלער קלאס איז אין גאנצען ווי אונטערגעגאנגען. מענשען האבען שטילערהייט געהונגערט גאנצע וואכען, און ווען זייערע שכנים וואלטען ניט דערצעהלען וואלטען זיי אויסגעגאנגען פון הונגער און קיינער וואלט אפילו ניט געוואוסט.

א גרויסען איינדריק מאכט דער עפיזאד, ווען א פרוי איז געקומען גאנץ פריה אין קאמיטעט פאר די היימלאזע בעטען הילף, נאר בתנאי אז קיינער זאל פון דעם ניט וויסען, ווייל דער מאן אירער וואלט דאס ניט איבערגעטראגען. שפעטער מיט א פאר טעג האט זיך דער מאן דערוואוסט, אז די פרוי האט באקומען דאס געלט פונ'ם הילפס-קאמיטעט און ער האט זיך ארויסגעווארפען פונ'ם 4-טען שטאק. די פרוי איז געקומען בעטען מ'זאל איר מאן ניט באגראבען ביים פארקען פון בית-עולם און איבערלאזען פאר אירעטוועגען אויך א פלאץ, ווייל זי וועט אויך מוזען ענדליך זיך נעמען דאס לעבען.

די לאגע אין ווארשא איז אזוי שרעקליך, אז ס'איז געווארען א געוועהנליכע ערשיינונג, וואס מענשען פאלען פון הונגער אויף גאסען. קינדער לויפען ארום איבער די גאסען און קיינער גיט אויף זיי ניט אכטונג; זיי זוכען אויף א פארפיילטע פרוכט, ארויסגעווארפענע שטיקלאך ברויט — און דאס איז זייער שפייז.

די שטערבליכקייט איז אזוי גרויס, אז אויפ'ן בית-עולם ארבעט מען בייטאג און ביינאכט. תכריכים זיינען טייער און מ'וויקעלט די מתים אין פאפיר.

דער הונגער איז אזוי גרויס, אז פאראיארען פסח האבען מענשען ניט געהאט מער ווי צו 2 מצות און קיין קארטאפעל האט מען אויך ניט געהאט.

פון 340 טויזענט אידען, וואס לעבען אין ווארשא, באקומען 220 טויזענט שטיצע.

די שטיצע קומט איבערהויפט אן פון די אמעריקאנער און רוסישע אידען. גרויסע נוצען ברענגען די קינדער-היימען און באזונדערס דאס קינדער-היים פאר 250 קינדער, וואס איז געגרינדעט געווארען אויף די מיטלען פון דער קיעווער קהלה.

נאך דער שילדערונג פון דער טרויעריגער עקאנאמישער לאגע האט ה' פארבשטיין כאראקטעריזירט די פאליטישע באוועגונג און די פארהעלטנישען אינ'ם פוילישען אידענטום.

די ציוניסטישע באוועגונג האט זיך שטארק פארגרעסערט. ס'ארבעטען אצינד העכער 200 ציוניסטישע ארגאניזאציעס אין פארשידענע שטעט און שטעטלאך פון פוילען.

פון די ציוניסטישע יוגענט-ארגאניזאציעס ארבעטען זעהר ענערגיש דער „החבר", דער „מרכז" פון אידישער ניט-סטודענטישער יוגענט און די ארגאניזאציע פון דער מיטעל-שול יוגענט.

א גוטען איינדריק מאכט דער „מכבי", דער אידישער ספארט פאראיין, וואו די אידישע יוגענט ווערט פיזיש אנטוויקעלט און שטארק נאציאנאליזירט. ווען עטליכע טויזענט מכבי-מיטגלידער מארשירען מיט מוזיק איבער די ווארשעווער גאסען און זינגען העברעאישע לידער — איז פאר די ווארשעווער אידען ממש א יום-טוב. אפילו די אסימילאטארען דריקען אויס זייער צופרידענקייט ביים צוזעהן אזא בילד. כאראקטעריסטיש איז, וואס דער לערער פון ספארט אין „מכבי" איז א דייטש (א קריסט), וועלכער האט זיך גוט אויסגעלערענט די העברעאישע ווערטער, וואס זיינען נויטיג ביים קאמאנדירען.

פון די אידישע פארטייען ארבעטען פאלגענדע: ארטאדאקסען (וועלכע שטיצען פאליטיש די אסימילאטארען), „פאלקיסטען" (אידישיסטען), פועלי-ציון, ס"ס און בונד. פועלי-ציון האבען זיך זעהר פארגרעסערט אין דער צאל און ארבעטען ענערגיש. זיי האבען אייגענע קיכען און שולען. די באציהונג צווישען זיי און די אלגעמיינע ציוניסטען איז א פריינדליכע, הגם מ'שטרייט זעהר אין דער שפראכען-פראגע.

די אלגעמיינע פאליטישע לאגע איז א געדריקטע. די פאליאקען האבען זייער באציהונג צו די אידען אויף קיין האר ניט געביטען.

די לאגע אין ליטא האט ה' פארבשטיין געמאלט נאך מיט שווארצערע פארבען. דארט איז דער מצב אפילו ערגער, ווייל ס'איז נאך קריגס-צושטאנד און ס'איז ניטא קיין ציווילע אדמיניסטראציע.

אין ביאליסטאק לעבט מען איצט נישקשה, ווייל ס'ארבייטען פאבריקען און מענשען האבען פרנסה, אין ווילנע אבער און לאדז איז די צייט שרעקליך.

פון 55 טויזענט אידישע איינוואוינער אין ווילנע באקומען ביי א 50 טויזענט שטיצע. צולעצט

האט ה' פארבשטיין איבערגעגעבען וועגען דעם רעש, וואס ס'האט געמאכט די דעקלאראציע פון דער ענגלישער רעגירונג וועגען ארץ-ישראל פאר אידען. לויט א פלעביסציט, וואס איז פארגעקומען צווישען פוילישען אידענטום, האבען זיך 251 טויזענט דערוואקסענע מענשען ארויסגעזאגט פאר ארץ-ישראל.

די דייטשע פרעסע וועגען דער פאלעסטינע-פראגע.

די דייטשע פרעסע הערט ניט אויף צו באטראכטען די פאלעסטינע-פראגע. די אקופאציע פון ירושלים דורך די ענגלענדער האט פון דאס ניי דערוועקט דעם אינטערעס צו די אידישע אויסזיכטען אויף ארץ-ישראל. די גאנצע פרעסע איז איינשטימיג, אז די דערמאנטע פראגע האט איצט א וויכטיגע אלגעמיין-פאליטישע באדייטונג און פארלאנגט פון דער דייטשער רעגירונג די גרעסטע אויפמערקזאמקייט. ביים באטראכטען די פראגע ערקלערען א סך דייטשע בלעטער זייער באציהונג בנוגע צו באלפור'ס ביקאנטע ערקלערונג און צום ציוניזם גופא.

דער צווייוועכענטליכער זשורנאל „דער נייער אריענט", וואס געהט ארויס אין בערלין און באהאנדעלט די פראגע פון פאליטישען, עקאנאמישען און גייסטיגען לעבען אין מזרח, שרייבט אינ'ם פאליטישען איבערזיכט מיט'ן נאמען „די סיריער און דער אידענשטאאט", אז די איצטיגע לאגע אין פאלעסטינע האט ווידער ארויסגערוקט די ציוניסטישע שטרעבונגען אויפ'ן ערשטען פלאן. די צייטונג גלייבט, אז עס איז נאך צו-פריה „ארויסצוהענגען די דאזיגע נייע פאן" און אז „ביי דער געפלאנטער אויסבויאונג פון א אידישער מלוכה (אין א געוויסער באציהונג) האט מען געמאכט דעם חשבון האן דעם בעל-הבית".

די „דייטשע לעוואנטע צייטונג" באהאנדעלט אין א לייט-ארטיקעל „פאלעסטינע" די באציהונג פון די ציוניסטען צו דער ענגלישער רעגירונג און אויך די שטעלונג פון טערקיי צום ציוניזם.

„אהן א שום ספק — זאגט די צייטונג — האט די אידישע קאלאניזאציאנס-ארבייט אין פאלעסטינע מיט גרויסע שוועריגקייטען צו קעמפען און די גרעסטע צאל פון זיי צו באזייטיגען ליגט אין דער מאכט פון דער רעגירונג פון לאנד". בנוגע די ענגלישע פלענער אין פאלעסטינע פאדערט די צייטונג, אז „קיין פראבע דארף נישט אדורכגעלאזען ווערען אויסצושליסען די מעגליכקייט פון ענגלישע תחבולות אין פאלעסטינע; פארוואס זאל מען די אידען נישט פארגינען דאס מקוים ווערען פון א חלום, וועלכער איז געשפייזט געווארען טויזענטער יארען מיט דער אלטער הבטחה? עס קאן אבער נאר אזוי ווייט געשעהען, אויף וויפיל עס וועט דאדורך נישט ארויסקומען קיין שאדען פאר די לעבענס-אינטערעסען פון טערקיי און פון די צענטראלע מלוכות".

זעהר אינטערעסאנט זיינען די ווערטער פון „פרענקישען קוריער" אינ'ם ארטיקעל „די אידישע קאלאניזאציע אין פאלעסטינע".

נאך א קורצער אבשאצונג פון דער אידישער קאלאניזאציאנס-ארבייט אין פאלעסטינע ווערט פעסטגעשטעלט, אז „די דיפלאמאטען פון דער קאאליציע האבען ריכטיג דערקענט די באדייטונג פון די ציוניסטישע שטרעבונגען א האבען דערפון ארויסגעצויגען זייערע רעזולטאטען". נאך דער שילדערונג פון דעם קאאליצישען פלאן „צו גרינדען אין פאלעסטינע א אידישע מלוכה אונטער א אינטערנאציאנאלער גאראנטיע", געהט די דרינגענדע פאדערונג, „אז אויך דייטשלאנד זאל רעכטצייטיג דערקענען די וועלט-פאליטישע באדייטונג פון דער ציוניסטישער פראגע". צום סוף פון דעם ארטיקל ווערט געזאגט: „עס וואלט געווען צו באדויערן, ווען דייטשלאנד וואלט נישט פארשטאנען געגנוג אבצושאצען די אינערליכע כחות פון דער ציוניסטישער באוועגונג, וועלכע באקומט וואס ווייטער אלץ מער באדייטונג איבערהויפט אין אמעריקא און רוסלאנד, אבי ענגלאנד וואלט דאדורך ווידער אמאל געקאנט מאכען מאראלישע נצחונות אהן סיה-און-טא-טערניש".

עהנליך דערצו זאגט זיך ארויס די בערלינער „וועלט אם מיטאג", וועלכע גיט צו די גרעסטע באדייטונג דער ערקלערונג פון דער ענגלישער רעגירונג, „וואס זאגט זיך ארויס אהן אומוועגען פאר דער איינריכטונג פון א אידישער זעלבסט-פארוואלטונג אין פאלעסטינע".

„טערקישע רעגירונגס-לייט", ווערט דארט געזאגט, „האבען שוין פריהער ארויסגעדריקט זייער סימפאטיע צו דעם דאזיגען פלאן. די רעגירונגען פון דייטשלאנד און עסטרייך וואלטען גוט געטון, ווען זיי זאלען נישט לענגער ווארטען מיט זייער הסכמה. די אינטערנאציאנאלע באדייטונג פון דער דאזיגער פראגע נויטיגט זיך נישט אין קיין באזונדערע ערקלערונג".

א העכסט אינטערעסאנטען ארטיקל ווידמעט דער פראגע זיגמונד פעלדמאן אין דער „פאסישער צייטונג".

פעלדמאן איז מודה, אז ער האט נישט גענוג אבגעשאצט די באדייטונג פון הערצל'ס „אידענשטאאט" אין די טעג פון זיין ערשיינען. „בשעת איך האב אים (הערצלען) דאמאלס אין פאריז צוריק אבגעגעבען די קארעקטור-בויגען פון זיין בוך, מיט א נישט פאסיגער תנועה פון ליצנות — איך בין עס מודה מיט חרטה — וועלכע ער האט מיר קיינמאל נישט אין גאנצען געקאנט מוחל זיין, דאן האט מיר אויסגעוויזען אונמעגליך, אז זיין אוטאפיע וועט אמאל קענען ערשיינען אויפ'ן גרינעם טיש פון די דיפלאמאטען. ער האט אבער אויסגעפירט, און זיין ערפאלג האט מיר נאך א מאל געוויזען, אז „די ערשטע פאזע פון דעם מעגליכען איז דאס אונמעגליכע און די פאנטאזיע איז די מוטער פון אלע געשיכטליכע ווירקליכקייטען".

ווייטער מעלדעט פעלדמאן, אז די דאזיגע „פאנטאזיע" איז שוין כמעט פארווירקליכט געווארען מיט אנדערהאלב יארהונדערט צוריק. פון די אין 1785 געזאמעלטע „רייזע בריף פון דעם פרייסישען אפיציר פאן-ארכענהאלץ" ווייסט מען, אז אין יאר 1770 האבען אייניגע דייטשע אפיצירען געשלאסען א אבמאך מיט די ליווארנער אידען, מען זאל פארלעגען א געוויסען פרייז דעם דאמאלדיגען זינגער פון ירושלים עלי-ביי, ער זאל די שטאט „איבערגעבען דער אידישער נאציאן".

פעלדמאנ'ס ארטיקל ווייזט ארויס א ווארעמען געפיל פאר'ן ציוניזם און זיין באדייטונג פאר די אידען, און איז אנטציקט פון דעם פאקט, וואס דער אייביגער נודד האט ערשט „דערהערט א ווארט, וואס באטייט פאר אים גאולה און מנוחה, פרידען און היימאט: ירושלים"!

אויך די פראטעסטאנטישע „גערמאניא" נוצט אויס די אקופאציע פון ירושלים, כדי ווידער צו דערמאנען איר מורא, וואס זי האט שוין פריהער געלאזט הערען, אז א שטאאטע

אידישע איינוואנדערונג אין פאלעסטינע קאן ברענגען שאדען די רעליגיעזע אינטערעסען פון די קריסטליכע פעלקער. די „גערמאניא" צווייפעלט אבער נישט, אז „דער ציוניזם וועט געפינען אין דער אזוי גערופענער גרויסער פרעסע מעכטיגע פליצים און שטיצער".

אין די „נייע אידישע נאכריכטען", וועלכע ערשיינען אין בערלין, ווערט געבראכט די מיינונג פונ'ם באקאנטען פראפ. דעלבריק וועגען ציוניזם.

די ענגלענדער,—שרייבט פראפ. דעלבריק,—באמיהען זיך איצט אויך צו געווינען אין ציוניזם א פארבינדעטע געגען דייטשלאנד—פונקט אזוי ווי זיי האבען מאביליזירט געגען אונז אלע מלוכות פון דער וועלט ביז די קלענסטע מיטעל-אמעריקאנישע רעפובליקען. זיי זאגען, אמת, נישט צו קיין זעלבסשטענדיגע מלוכה, צו וואס דער ציוניזם שטרעבט אויך גאר נישט, זיי זאגען אבער דאך צו א זעלבסשטענדיגען רעליגיעזען ישוב אין פאלעסטינע אונטער זייער פראטעקטאראט.

מען קאן נישט לייקענען, אז אזא הבטחה איז אין פלוג עלול צו פארפירען די אידען. ענגלאנד איז מעכטיג, זי פירט-איין א פאליטיש-ווירטשאפטליכע ארדנונג און איז רעליגיעז טאלעראנט. פונדעסטוועגען וואלט עס געווען קורצזיכטיג, ווען די ציוניסטען וואלטען זיך צוליב דעם ערקלערט אלס פארבינדעטע פון דער קאאליציע. מען קען טראכטען וועגען דעם ציוניזם וואס מען וויל, מען קאן אבער דאך נישט אבלייקענען, אז ער האט זיין גייסטיגען שורש אין דייטשען אידענטום און וועט א סך פארלירען, אויב עס וועט געשטערט ווערען אדער גאר אבגעשניטען ווערען דער מאראלישער צוזאמענהאנג מיט דייטשלאנד און מיטן דייטשען אידענטום. אבער אויך דער פאליטישער חשבון, דאס שטיצען זיך אויף דער ענגלישער מאכט, וועט אבנארען, מעגען די ענגלענדער האבען אפילו גאנץ פאלעסטינע אין זייערע הענט דער סך-הכל פון דער מלחמה וועט ביי אלע אומשטענדען אבנעמען ביי זיי דאס דאזיגע געווינס.

ווען דער פרידענס-שלום זאל באשטעטיגען די ענגלישע סוווערעניטעט (איבער-הערשאפט) אין עגיפטען, וועט ער פאר די ענגלענדער גאנץ געוויס נישט גערעכענען קיין נייע טעריטאריאלע געווינסען פארקערט, אויב זיי וועלען דערהאלטען די עגיפטישע סוווערעניטעט, וועלען זיי דערפאר מוזען געבען א באפרידיגונג. די טערקען בלייבען ארוא לויט אלע מעגליכע אויסרעכנונגען, די בעלי-בתים פון פאלעסטינע. ווער עס וויל אונטערשטיצען דעם ציוניזם, האט דעריבער יעדען גרונד צו געפינען זיך אין גוטע באציהונגען מיט די טערקען און דעריבער אויך מיט דייטשלאנד. א ציוניסט, וועלכער שטעהט היינט צו צו די שונאים פון טערקיי, ברענגט זיך אליין אום.

נאך א רייהע אנדערע דייטשע טעגליכע צייטונגען פארנעמען זיך מיט די ציוניסטישע פראגען אין צוזאמענהאנג מיט דער אקופאציע פון דער הייליגער שטאט. דער „טאג" רעדט אין א ארטיקל „ירושלים אין פאליטישער און מיליטערישער הינזיכט" וועגען די שטרעבונגען פון אמעריקע און ענגלאנד, „צו מאכען ירושלים—אין פאל ווען דעם ענגלישען געווער זאל געלינגען פאלעסטינע צו פארנעמען—פאר דער הויפט-שטאט פון א „נייע-ציוניסטישער מלוכה" אונטער אמעריקאניש-ענגלישער „איבער-אויפזיכט". ער זעהט הינטער דער שטרעבונג דעם פאליטישען טעם „צו שאפען אויפ'ן ארט פון דעם פארקעהר צווישען אייראפע, אפריקע און אזיען א פעסטען באדען פון ענגליש אמעריקאנישער מאכט". אויך די „מינכענער אויגסבורגער אבענד-צייטונג", די „קעלנישע פאלקס צייטונג" און די ברעמער „וועזער-צייטונג" באריהרען דעם פלאן פון אויפשטעלען א אידישע מלוכה אין פאלעסטינע. די לעצטע צייטונג ברענגט אונטער'ן טיטול „וואס געשעהט מיט פאלעסטינע?" דעם ארטיקל פון א קענער פון פאלעסטינע, וועלכער רופט אן די סימפאטישע ערקלערונגען פון דער ענגלישער רעגירונג פאר'ן ציוניזם „א דיפלאמאטישען שאך-צוג פון זעהר א חיטרער תחבולה". די „שלעזישע פאלקס-וואכט" איז מודיע איהרע לעזער אין א ארטיקל „די מלוכה פון ישראל" וועגען די ציוניסטישע פלענער, „שוין לאנג—שרייבט די צייטונג—האבען אמעריקאנישע מיליאנערען און אמעריקאנישע פילאנטראפען ארומגעחוקרט ארום דעם נייעם ציון, ארום א אידישער מלוכה, וועלכע זאל ווידער ארייננעהמען די צושפרייטע אידישע קינדער, אויף ווי ווייט זיי וועלען בענקען דערצו". די „דיסעלדארפער צייטונג" רופט אן די ענגלישע הבטחה „די חכמה פון נחש" און רעדט פון די מאראלישע נצחונות, וואס ענגלאנד האט שוין פאר'ן קריג געשוועבט צו מאכען אין פאלעסטינע.

צום שלום איז כדאי אויך צו דערמאהנען די שטעלונג, וואס עס פארנעהמט ערשט צום ציוניזם אין צוזאמענהאנג מיט דער ענגלישער רעגירונגס-ערקלערונג דער ארגאן פון דער דייטשער ארטאדאקסיע, דער פראנקפורטער „איזראעליט", וועלכער האט זיך ביז אהער באצויגען נעגאטיוו צו די ציוניסטישע פלענער. די צייטונג שרייבט: „דער שטאנדפונקט פון ציוניסטישען אקציאנס-קאמיטעט איז דורכאויס קארעקט און וועט אויך ביי די צענטראלע מלוכות אלס פאלקאמען לאיאל געשעצט ווערען. אן אנדער פראגע איז, נאטירליך, אויף ווי ווייט עס איז היינט איבערהויפט מעגליך צו קומען אין אונטערהאנדלונגען וועגען פרידליכע קאנצעסיעס מיט טערקיי, וועלכע פארטיידיגט זיך אין פאלעסטינע געגען איהר עקזיסטענץ-פארניכטונג... מיר האבען א גרונד אנצונעהמען, אז אויך די דייטשע רעגירונג וועט זיין גענייגט צו שטיצען א פאלשטענדיגען פאלעסטינע-פראגראם וועלכעס רירט נישט אן די הערשאפטס-רעכט פון טערקיי און באגרענעצט זיך דער עיקר אויף פארזיכערן קולטורעלע און עקאנאמישע מענשענקיומס-פרייהייט".

ווי די ניו-יארקער „ווארהייט" איז מודיע, האבען די דייטשע אנטיסעמיטען ערקלערט ציוניזם פאר א סכנה פאר'ן „דייטשטום". די אנטיסעמיטישע פרעסע האט אנגעהויבען א ביטערען און גיפטיגען קאמף קעגען ציוניזם. אייניגע צייטונגען פאדערען פון דער רעגירונג זי זאל אבשטעלען די טעטיגקייט פון די דייטשע ציוניסטען ווייל די אידען האבען אין זינען נור זייערע אייגענע אינטערעסען און אז צוליב זייערע נאציאנאלע שטרעבונגען זיינען זיי גרייט מקרב צו זיין די אינטערעסען פון זייער פאטערלאנד.

„ווען דער ציוניזם וועט פארווירקליכט ווערען, שרייבט די אנטיסעמיטישע פרעסע,—וועט עס זיין א סכנה פאר די דייטשע אינטערעסען אין מזרח, און ענגלאנד איז דערפאר פאר א אידישער מלוכה אין פאלעסטינע, ווייל דאס שטימט מיט די אגרעסיווע פלענער פון ענגלאנד אין עגיפטען און פאלעסטינע".

דאס אידישע לעבען אויף אוקראינא.

אנ'אנפראגע וועגען בירגערשאפט.

די ציוניסטישע פראקציע אין דער קליינער ראדע האט באשלאסען אריינצוטראגען אן אנפראגע וועגען דעם נייעם אוקראינישען געזעץ וועגען בירגערשאפט, וועלכער באריהרט זעהר ערנסט אויך די אידישע אינטערעסען. דער פארטרעטער פון דער פראקציע וועט אויפווייזען, אז דער געזעץ, וואס איז אנגענומען אין איילעניש בשעת א טייל פון דער צענטראלער ראדע האט זיך געפונען אין זשיטאמיר איז נישט אויסגעהאלטען און כמעט נישט אויספירבאר.

א צוזאמענפאר פון קהלות.

ווי מען גיט אונז איבער, האט דער ראט פון דער קיעווער אידישער קהלה ־דעה צוזאמענרופען א צוזאמענפאר פון פארטרעטער פון אלע אידישע קהלות אויף אוקראינא, כדי צו שאפען אויף אזא אופן א צייטווייליגען העכסטען ארגאן פון אידישער זעלבסטפארוואלטונג.

פאליטישע אווענטען.

די ציוניסטישע פאליטישע קאלעגיע האט באשלאסען איינצואָרדנען אין ציוניסטישען קלוב יעדען פרייטאג פאליטישע אווענטען, כדי צו באהאנדלען די לויפענדע פאליטישע פראגען. דעם פארינען פרייטאג האט דעם איינלייטונגס-פארטראג געהאלטען ח' הינדעס וועגען נאציאנאל-פערסאנאלער אויטאנאמיע.

געארג בראנדעס און דער ציוניזם.

אויף א באנקעט אין קאפענהאגען האט דער גרויסער קריטיקער געארג בראנדעס געהאלטען א רעדע, אין וועלכער ער האט מיט באגייסטערונג גערעדט וועגען דער שאפונג פון א אידיש-נאציאנאלען און קולטורעלען צענטער אין פאלעסטינא.

בראנדעס האט דערצעהלט, אז מיט 20 יאר צוריק האט טעאדאר הערצעל געפרובט צו פאראינטערעסירען איהם פאר'ן ציוניזם, אבער צוליב'ן נישט קענען די לאגע פון די גרויסע אידישע מאסען האט ער באטראכט דעם ציוניסטישען געדאנק אלס ניט גענוג ברייט. איצט אבער באגריסט ער די מעגליכקייט צו שאפען א אידישע נאציאנאלע היים פאר דעם אידישען פאלק מיט גרויס פרייד.

בראנדעס ערקלערט ווייטער, אז ער באטראכט די ענגלישע דעקלאראציע אלס איינעם פון די געצעהלטע ליכט-פונקטען פון דעם דאזיגען קריג, און אז ער צווייפעלט נישט, אז דאס אידישע פאלק, ווען עס וועט לעבען זעלבסשטענדיג אין זיין אייגענער היים, וועט זיך ווידער אנטוויקלען צו א קולטור-מאכט.

אין קיעווער קהלה-ראט.

די ערשטע צוויי זיצונגען פונ'ם קיעווער קהלה זיינען געווידמעט דער ארגאניזירונג פונ'ם ראט. עס זיינען אויסגעוועהלט געווארען: דער פרעזידיום מיט ה' מ. נ. סירקין, אלס פאר-זיצענדער, די פארוואלטונג, וואס באשטעהט פון 4 מיטגלידער, וועלכע באקומען צו 600 ר' א חודש געהאלט און א רייע קאמיסיעס.

טינישע, רעליגיעז-מנהגישע, עמיגראציאנע, סאניטארע און סאציאלע פארזארגונג.

א אידישער פאר-פארלאמענט.

אויף דער לעצטער זיצונג פונ'ם אזוי גערופענעם אידישען „נאציאנאל-ראט", אין וועלכען געהערען אריין דריי סאציאליסטישע פארטייען און די פאלקס-פארטיי איז באשלאסען געווארען צוזאמענצורופען א צייטווייליגע גרינדונגס-פארזאמלונג, א מין פארפארלאמענט, וועלכער וועט באשטעהען פון 75 פארשטעהער פון קהלות און דעם נאציאנאל-ראט, וועלכער צעהלט איצט 40 מיטגלידער. (פ.-צ., פאראייניגטע בונד און פאלקס-פארטיי צו 10 פארשטעהער פון יעדער פארטיי.)

ווי מען גיט אונז איבער וועלען זיך די ציוניסטען אין דעם דאזיגען „פארפארלאמענט" ניט באטייליגען.

א אידישע מיליטער-דעלעגאציע.

קיין קיעוו איז אנגעקומען א דעלעגאציע פונ'ם ערשטען אידישען באטאליאן, כדי זיך משתדל זיין ביי דער מאכט, אז מען זאל איהם ניט אנטוואפענען, ווייל ער ערפילט די אויפגאבען פון א זעלבסשוץ.

קרבנות פונ׳ם הײדאַמאַצקען טעראָר.

פונ׳ם 1-טען ביז׳ן 8-טען מאַרט האָט די קאָמיסיע צו פאַרהיטען די שטאָט פאַרעגיסטרירט פאָלגענדע צאָל גוואַלדטאַטען און גוואַלד-געריכטען: דראָהונגען—19, אַרעסטירטע, וואָס מ׳ווייסט ניט וואו זיי זיינען—28, אַרעסטירטע און באַפרייטע—27, דערהרגעטע—22, געשלאָגען—11, באַרויבטע—13, אויסגענאַרט געלט—5, געשענדעטע—3; פאַרפאַלענע—16; פאַרוואונדעטע—2.

חוץ קלײנע איסנאַמען געהערען די אַלע אומשולדיג געליטענע צו דער אידישער באַפעלקערונג.

אַ הזכרה נאָך ד״ר מ. מאַנדעלשטאַם.

זונטאָג איז אין דער קיעווער באַראַל-שיל פאָרגעקומען אַ הזכרה צום 6-טען יאָר צייט פונ׳ם פאַרשטאָרבענעם ד״ר מ. מאַנדעלשטאַם.

מיט קורצע רעדעס זיינען אַרויסגעטראָטען די ה״ה א. מאַנגאָלין, ה׳ בערמאָלד, ג. ג. דײוויטש.

די שלום-באַדינגונגען אין דער קלײנער ראַדע.

פרייטאָג, דעם 14-טען מאַרט איז אין דער זיצונג פון דער קלײנער ראַדע באַהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע וועגען ראַטיפיצירען די שלום-אָבמאַכען, וואָס אוקראַינע האָט געשלאָסען מיט די צענטראַלע מלוכות. ביי דער באַהאַנדלונג פון דער פראַגע האָבען אַלע פאַרטייען אַרויסגעזאָגט זייער באַציהונג צו די געשלאָסענע אָבמאַכען און אייניגע האָבען זיי שאַרף קריטיקירט.

צווישען אַנדערע האָבען ערקלערט זייער שטעלונג אין דער פראַגע אויך אַלע אידישע פאַרטייען.

אין נאָמען פון „בונד״ (אינאיינעם מיט די מענשעוויקעס) איז אַרויסגעטראָטען טשיושעווסקי, וועלכער ערקלערט, אַז דאָס שליסען אַ סעפּאַראַטען שלום איז אַ נצחון פון אימפּעריאַליזם און נאָר אויפ׳ן אַלגעמיינעם שלום-קאָנגרעס וועלען קאָנען דערגרייכט ווערען די שטרעבונגען פונ׳ם אייראָפּעאישען פּראָלעטאַריאַט. טשיושעווסקי ענדיגט מיט די ווערטער: אונזערע פראַקציעס זיינען געגען ראַטיפיצירען דעם שלום.

פון די ערשטער שרײט מען: האַנבאַ... בזיון!...

דער פאַרשטעהער פון די פאַראייניגטע האָט געמאַכט פאָלגענדע ערקלערונג:

די פראַקציע פון די פאַראייניגטע איז פאַר דעם, אַז מען זאָל איבערגעבען דעם שלום-אָבמאַך צו באַטראַכטען אין אַ קאָמיסיע. דערביי מוז די פראַקציע אָנווייזען, אַז דאָס שליסען דעם שלום-אָבמאַך הייסט ערשטענס דער אָבזאָג פון צו לעזען די פראַגען אויפ׳ן יסוד פון אינטערנאַציאָנאַלע אָבמאַכען מיט׳ן כח פון געווער, און צווייטענס, די אָנערקענונג פון פּרינציפּ פון פרידליכען צוזאַמענאַרבעטען פון פעלקער אויפ׳ן באָדען פון קעגענזייטיגען אויסטויש פון די פּראָדוקטען פון זייער מאַטעריעלער און גייסטיגער קולטור.

די פראַקציע קאָן זיך אָבער ניט באַציהען מיט צוטרוי צו אַ שלום, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען מיט די הערשענדע קלאַסען פון די צענטראַלע מלוכות, וואָס זייער דעוויז איז אַ באַוואָפענטער נצחון, אַ באַוואָפענטעס פאַרחאַפּען. מיר זיינען אין ספק צי וועט דער געשלאָסענער אָבמאַך ווירקליך ברענגען אַ פרידליך צוזאַמענלעבען פון די פעלקער.

אין נאָמען פון די פּועלי-ציון איז אַרויסגעטראָטען ה׳ רעוואָוצקי:

דער שלום איז אַ געשעהענער פאַקט,—ערקלערט רעוואָוצקי,—און אונזער אויפגאַבע איז איצט, די שלעכטע פאָלגען פון דעם דאָזיגען שלום זאָלען וואָס ווייניגער זיך לאָזען פיהלען.

דער רעדנער ווייזט אָן, אַז אין אָבמאַך איז ניט אַלעס גוט באַוואָרענט. ס׳איז גאָרניט דערמאָנט, למשל, וועגען די נאַציאָנאַלע רעכט פון די רוטענער, בוקאָווינער. ס׳איז נישטאָ קיין איין וואָרט וועגען דער אידישער פראַגע.

דער רעדנער באַרירט אויך די באַציהונגען צו דייטשלאַנד און רופט צו זיין זעהר פאָרזיכטיג, ווייל דייטשלאַנד וועט וועלען אויסנוצען אוקראַינע צוליב אירע אימפּעריאַליסטישע צוועקען.

צום שלום ערקלערט רעוואָוצקי, אַז די פראַקציע פּועלי-ציון איז פאַר איבערגעבען דעם אָבמאַך אין דער קאָמיסיע, נאָר זי באַשטימט ניט פאַראויס איר באַציהונג צום שלום...

אין נאָמען פון די ציוניסטען האָט ה׳ י. שעכטמאַן געמאַכט פאָלגענדע ערקלערונג:

די ציוניסטישע פראַקציע אין דער קלײנער ראַדע האָט מיך באַפולמעכטיגט צו שטימען פאַר איבערגעבען דעם שלום-אָבמאַך אין אַ קאָמיסיע.

דאָס איז פאַרשטעהט זיך, ניט דערפאַר, וואָס דער אָבמאַך שטעלט אונז צופרידען. מיר ווייסען, אַז דאָס איז ניט יענער אַלגעמיינער דעמאָקראַטישער שלום, צו וועלכען מיר האָבען געשטרעבט. ער איז געשלאָסען ניט מיט די פעלקער פון די צענטראַלע מלוכות, נאָר מיט זייערע אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען. ס׳איז אַ סעפּאַראַטער, ניט קיין אַלגעמיינער שלום, וועלכער איז גינסטיג נאָר פאַר די צענטראַלע מלוכות. און מיר האָבען דעריבער קיין גרונד צו באַגריסען אים, ווי אַ אידעאַלען שלום וואָס אַנטשפּרעכט אונזערע שטרעבונגען.

מיר אָנערקענען אָבער, אַז ביי די געשאַפענע באַדינגונגען איז קיין אַנדער אויסוועג ניט געווען. בשעת פון צפון האָט געדראָהט דער באָלשעוויזם האָט אוקראַינע ניט געקאָנט קעמפען אויף צוויי פראָנטען, די רואינירטע און אויסגעמאַטערטע דורך דער מלחמה באַפעלקערונג האָט געדורשט נאָך שלום. דער שלום האָט געמוזט געשלאָסען ווערען. נאָר ביי דער געשאַפענער קאָניונקטור האָט ער ניט געקאָנט זיין ניט קיין דעמאָקראַטישער און ניט קיין אַלגעמיינער. מ׳איז אָבער געווען געצוואונגען צו שליסען אַ ניט-אידעאַלען שלום איידער פירען ווייטער אָנהאַלטענדע מלחמה. און דעם שלום-אָבמאַך, וואָס מ׳ליגט אונז פאָר צו ראַטיפיצירען, באַטראַכטען מיר פאַר אַ „מאַלום נעצעסאַריום״ און אַלס אַזעלכען נעמען מיר אים אָן.

נאָר פאַר אונז איז ער אין אוקראַינע נישט קיין פאַרענדיגונג, נאָר אַן אָנהויב פון קאַמף פאַר פרייע און ווירדיגע עקזיסטענץ באַדינגונגען. די פּאָליטישע אומאָבהענגיקייט פון

אוקראַינע, וואָס אַנערקענט דער שלום-אָבמאַך מיט די צענטראַלע מלוכות, איז נאָך ווייט ניט די ווירקליכע אומאָבהענגיקייט. פאַר אַזאַ אומאָבהענגיקייט וועלען נאָך דאַרפען גענוג קעמפען אַלע פעלקער פון אוקראַינע. דעם שלום-אָבמאַך באַטראַכטען מיר נאָר אַלס אַ יסוד צו אָט דעם קאַמף, פאַר אַ נויטווענדיגען אויסגאַנגס-פונקט. דעריבער שטימען מיר פאַר איבערגעבען אים אין קאָמיסיע (אַפּל.).

רעזאָלוציע פון קיעווער אַדוואָקאַטען.

אויף דער זיצונג פון 11-טען מאַרט האָט דער קיעווער ראַט פון די געשוואוירענע אַדוואָקאַטען אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגען דעם צירקולאַר פון אוקראַינישען יוסטיץ-מיניסטער, אַז אין אַלע געריכטס-אַנשטאַלטען זאָלען די אויפשריפטען, בלאַנקען און די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ געפירט ווערען אויסשליסליך אויף דער אוקראַינישער שפּראַך.

אין דער רעזאָלוציע ווערט אָנגעוויזען, אַז די צענטראַלע ראַדע האָט ניט איינמאָל פּרינציפּיעל אָנערקענט די גלייכבערעכטיגונג פאַר אַלע קאַיט-שפּראַכען און דעריבער ווערט געפאָדערט, אַז מ׳זאָל האָבען רעכט אין אַלע ווענדונגען צום געריכט באַנוצען אויך אַנדערע שפּראַכען, אַ חוץ דער אוקראַינישער.

עקסצעסען געגען אידען.

הגם אין שטאָט איז שוין רוהיג, קומען נאָך אַלץ פאָר עקסצעסען קעגען אידען. אזוי האָבען הײדאַמאַקעס צוגענומען ניי-מאַשינען ביי עטליכע אידישע שניידער און אייניגע אַרבעטער אַוועקגעפירט אין מיכאַילאָווער מאָנאַסטיר.

מאָנטאָג דעם 11-טען מאַרט האָט מען געהרגעט דעם בונדאָיעץ וואָלף לינדכין.

דינסטאָג האָבען סאָלדאַטען אַרעסטירט די פרוי מאַניע נעזונטערמאַן און דערביי צוגענומען עטליכע מלבושים. וואוהין מ׳האָט אַוועקגעפירט די פרוי ווייסט מען ניט.

אַ׳הזכרה נאָך גאַנאַל׳ן און באַיאַרסקי׳ן.

דאָנערשטאָג דעם 14-טען מאַרט, איז פאָרגעקומען אַ׳הזכרה אויף די קברים פון די פריהצייטיג און טראַגיש אומגעקומענע פאָרזיצער פון צענטראַלען אויספירקאָמיטעט פון אַלרוסלענדישען אידישען מיליטער-פאַראיין יונה בן יעקב גאַנאַל און מיטגליד פון דעם זעלבען פאַראיין לייזער בן גרשון באַיאַרסקי.

צו די הײמלאָזע.

נישט קוקענדיג דערויף, וואָס ס׳האָט שוין געוואָרענט די הײמלאָזע זיי זאָלען זיך ניט חאַפּען מיט׳ן פאָרען אַ היים זיינען אַ סך דאָך אָבגעפאָרען און געפינען זיך איצט אויף די וועגען אַהיים ביי סאַרנע, קאָוועל א. א. מ׳קאָן זיך פאָרשטעלען די לאַגע פון די דאָזיגע הײמלאָזע, וועלכע מ׳לאָזט ווייטער ניט פאָרען. ס׳איז נויטיג נאָכאַמאָל צו וואָרנען אַלע הײמלאָזע, וועלכע ווילען פאָרען אַהיים, זיי זאָלען זיך ניט רירען פון די ערטער, ביז עס וועט ניט זיין קיין ספּעציעלע און אָפיציעלע מעלדונגען וועגען דער מעגליכקייט צו פאָרען אין די אָקופּירטע געגענטען.

אין אידישען מיניסטעריום.

די באָלשעוויקעס, וואָס האָבען געהערשט אין קיעוו צוויי וואָכען האָבען ניט אויסגעמידען אויך דאָס אידישע מיניסטעריום, וואו זיי האָבען אָנגעמאַכט אַ שרעקליכען חורבן. אַלץ האָבען זיי צובראָכען און קאַליע געמאַכט.

איצט איז דאָס מיניסטעריום שוין צוגעטראָטען צו דער אַרבייט. די טעג וועט אַרויסגעגעבען ווערען אַ צירקולאַר, אַז אין משך פון חודש אַפּריל זאָלען אומעטום פאַרענדיגט ווערען די וואַלען אין די קהלות; ס׳פאָרען שוין אַרויס אינסטרוקטאָרען אויף דער פּראָווינץ.

אינגיכען וועט דורכגעפירט ווערען דער געזעץ וועגען לערער-אינסטיטוט, וואָס איז שוין אָנגענומען געוואָרען. [illegible] פּראָיעקטירט צונויפרופען אַ צוזאַמענפאָר פון לערער אין די אידישע קאַזיאָנע שולען.

פונ׳ם אידישען דעפּאַרטאַמענט פון נאַציאָנאַלער זעלבסט-פאַרוואַלטונג.

דער דעפּאַרטאַמענט פון נאַציאָנאַלער זעלבסט-פאַרוואַלטונג ביים פאָלק מיניסטעריום פאַר אידישע ענינים האָט זיך געווענדעט צו אַלע שטאָט-גאָלאָוואַס און פאָרזיצער פון אָרטיגע זעלבסט-פאַרוואַלטונגען מיט פאָלגענדען צירקולאַר.

מיט דעם צוריקקומען פון דער פאָלק-מיניסטאָרען-ראַדע פון דער אוקראַינישער פאָלק-רעפּובליק האָט אויך באַנייט זיין טעטיגקייט דאָס פאָלק מיניסטעריום פאַר אידישע ענינים. דער דעפּאַרטאַמענט מאַכט פון דאָס ניי אויפמערקזאַם אויפ׳ן צירקולאַר, וועלכער איז אין זיין צייט פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרען אין דעם געזעץ וועגען שאַפען אידישע קהילה-ראַטן, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען דורך דער צענטראַלער ראַדע דעם 2 דעקאַבר 1917 (ביילאַגע צום נומער 7 פונם ביולעטען פון גענעראַל-סעקרעטאַריאַט פון אוקראַינער פאָלק-רעפּובליק). אויפ׳ן גרונד פון פּאַר. 2 פון דעם דאָזיגען געזעץ בעט דער דעפּאַרטאַמענט תּכף מודיע צו זיין, צי האָט זיך שוין אין אייער שטאָט געבילדעט אַ קהילה-ראַט בהסכם מיט די פאָדערונגען פונם געזעץ, און אויב אַזאַ קהילה-ראַט איז פאַראַן, דאַרף תּיכף די גאַנצע געשעפטס-פירונג פון די וואַלען אָבגעשיקט ווערען דער אַדמיניסטראַטיווער קאָמיסיע, וועלכע האָט זיך געבילדעט ביים פאָלק-מיניסטעריום פון אידישע ענינים (פּאַר. 24 פונם אויבענדערמאָנטען געזעץ).

אין פאַל, ווען אַזאַ קהילה-ראַט האָט זיך נאָך ניט געבילדעט, דאַרף תּיכף צונויפגעשטעלט ווערען אַ וואַל-קאָמיסיע לויט׳ן פּאַר. 2 פונם געזעץ וועלכע דאַרף צושיקען דעם פּראָטאָקאָל פון איר ערשטער זיצונג.

די טעטיגקייט פון די וואַל-קאָמיסיעס, וועלכע איז אונטערגעבראָכען געוואָרען דורך דעם באָלשעוויסטישען אָנפאַל, דאַרף ווייטער געפירט ווערען און די וואַלען דאַרפען וואָס גיכער פאַרענדיגט ווערען.

נייע, איצט געבילדעטע וואַל-קאָמיסיעס, דאַרפען דורכפירען די וואַלען ניט שפּעטער, ווי אין משך פון חודש אַפּריל (נייער סטיל).

די שטאָט-אופּראַוועס ווערען אויף דאָס ניי אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דער קאַראָבקע שטייער און ליכט-אָפּצאַל זיינען איבערגעגאַנגען אין רשות פון דאָס פאָלקס-מיניסטעריום פאַר אידישע ענינים און עס דאַרף תּיכף

צוגעשטעלט ווערען א גענוגע רשימה פון די קראָבקע־רעשטען.

קיינע שום געלט־סומען טאָרען ניט ארויסגעגעבען ווערען אָהן דער שריפטליכער הסכמה פונם דעפּאַרטאַמענט פון נאַצ. זעלבסטפאַרוואַלטונג ביים פאָלק מיניסטעריום פאַר אידישע ענינים.

מבטל געמאַכט אידישע זעלבסטשוץ.

צוליב דער פּאָגראָם־אַגיטאַציע אין אדעס האָבען זיך די אידישע אָרגאַניזאַציעס משתדל געווען, אז מען זאָל איבערלאָזען די אידישע קאַמף־דרושינע, וועלכע איז געשאַפען געוואָרען מיט א פּאָר חדשים צוריק. די דייטש־עסטרייכישע קאָמענדאַנטור האָט אָבער אָבגעוואָרפען די השתדלות און פאַראָרדנעט, אז מען זאָל אָבגעבען דאָס געווער.

די אַרבייט פונ'ם אידישען באַטאַליאָן אין אדעס.

נאָך דעם, ווי די באָלשעוויקעס האָבען פאַרלאָזען אדעס, האָט דער אידישער באַטאַליאָן, וואָס געפינט זיך אין אדעס, גענומען אויף זיך די שמירה פון דער שטאָט. מאָביליזירענדיג אַלע אידישע סאָלדאַטען, וועלכע זיינען געבליבען אין אדעס, האָט ער צוטיילט די אַרבייט: א טייל האָבען געהיט די מלוכה־אַנשטאַלטען טאָג ווי נאַכט און א טייל האָבען אָפּגעהיט די אָרדנונג אין שטאָט. א דאַנק דעם באַטאַליאָן האָט זיך די פּאָגראָם־אַגיטאַציע ניט איינגעגעבען, ווייל דער באַטאַליאָן האָט אָפּגעהיט די ערשטע אידישע באַפעלקערונג און די אַרבייטער־קוואַרטאַלען.

מאָהילאָוו־פּאָד.

מיט אייניגע וואָכען צוריק איז ביי אונז פאָרגעקומען א סעסיע פון דער אייעזדנע זעמסטווע־פאַרזאַמלונג, אין וועלכער ס'האָבען צום ערשטען מאָל, זייט דער רעוואָלוציע, אויך אַנטייל גענומען דעמאָקראַטיש אויסגעוועהלטע פאָרשטעהער פון דער אידישער באַפעלקערונג. בסך הכל איז פון דער גאַנצער צאָל 60 ראַטמענער געווען 8 אידישע, צווישען זיי 6 ציוניסטען. אונזער אידישע גרופּע, נעמענדיג דעם אַקטיווסטען אַנטייל אין דער גאַנצער אַרבייט פון דער סעסיע, איז דעסגלייכען געווען די רעאַלע דורכפיהרער פון דער נאַציאָנאַל פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע. ווען ס'איז באַטראַכט געוואָרען די שול־פראַגע און עס איז געוואָרען אַסיגנירט א סכום געלט אויף אויסצוהאַלטען די שולען פון אויעזד אין 1918 יאָר, האָט דער פאָרשטעהער פון אונזער גרופּע אריינגעטראָגען א פאָרשלאַג אויך צו אַסיגנירען 60 טויזענט רובל אויף בויען אידישע שולען און דאָס איז געלונגען געוואָרען דורכצופיהרען. עס איז אויך אַסיגנירט געוואָרען אויף באַלדיגע שטיצע די אידישע שולען 4000 רובל און דעם אידישען שפּיטאָל 5000 רובל. ווען עס זיינען פאָרגעקומען די וואַהלען פון די פרידענס־ריכטער זיינען די מיטגלידער פון אונזער גרופּע אַרויס מיט הייסע רעדעס געגען דעם אויפוואָרף פון א קריסטליכען ראַטמאַן „יעווריעוו ני נאַדאָ“, און שטעהענדיג אויף דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע האָבען זיי געפאָדערט אז עס זאָלען זיין פאַר דער אידישער באַפעלקערונג פרידענסריכטער, וועלכע זאָלען זיך קענען אויסרעדען מיט אונזערע ברידער אויף אונזער אייגענער שפּראַך. די ארויסטרעטונגען האָבען געווירקט און א מיטגליעד פון אונזער גרופּע חבר ב. פ. פאַרנאַיעץ איז אויסגעוועהלט געוואָרען פאַר א פרידענס־ריכטער.

אין דער אידישער וועלט.

דער גורל פונ'ם אידישען צוזאַמענפאָר.

לויט די ידיעות, וואָס זיינען ערהאַלטען געוואָרען אין קיעוו, האָט זיך דער אידישער צוזאַמענפאָר געזאָלט עפענען אין דיזער פריהער באַשטימטער צייט, הגם מ'האָט געהאַט דעה צו ערקלערען איהם בלויז פאַר א צייטווייליגען אידישען נאַציאָנאַל־ראַט, ווייל א גרויסער טייל פון די אויסגעוועהלטע דעלעגאַטען האָט ניט געהאַט קיין מעגליכקייט צו קומען קיין פּעטראָגראַד.

דער קאָמיסאַריאַט פאַר אידישע ענינים, וועלכער האָט מיט א צייט צוריק ערקלערט מלחמה אַלע אידישע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, אויסער די אַרבייטער־ראַטען, האָט אָנגענומען זיינע מיטלען, כדי ניט צו דערלאָזען דעם צוזאַמענפאָר אָנהויבען זיין אַרבייט.

אקוראַט ערב דער געפּלאַנטער ערעפענונג פונ'ם צוזאַמענפאָר האָט מען אין זיין וואוינונג אַרעסטירט דעם פאָרזיצענדער פונ'ם אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטעט פאַר'ן אידישען צוזאַמענפאָר, דעם באַקאַנטען פּעטראָגראַדער כלל־טוער ה' קריינין און א רייהע אַנדערע כלל־טוער, וועלכע האָבען זיך באַטייליגט אין די אַרבייטען פונ'ם אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטעט.

לויט די לעצטע ידיעות איז די באָלשעוויקעס געלונגען צו צושטערען די אַרבייט פון א גאַנצען יאָר און די ערעפענונג פונ'ם אַלרוסישען אידישען צוזאַמענפאָר איז אָבגעלייגט געוואָרען אויף אַן'אונבאַשטימטער צייט.

די אידען־באָלשעוויקעס אין פּעטראָגראַד.

אין פּעטראָגראַד איז דעם 24 יאַנוואַר 1918 פאָרגעקומען א פאַרזאַמלונג פון אידען־באָלשעוויקעס און לינקע ס.־ר.'ען, אויף וועלכער ס'איז אָנגענומען געוואָרען פאָלגענדע רעזאָלוציע וועגען דעם אַלרוסלענדישען אידישען צוזאַמענפאָר.

א) דער צוזאַמענפאָר פאַראייניגט די גרויסע און קליינע אידישע בורזשואַזיע און די שטים פונ'ם אידישען אַרבעטער וועט זיך דאָרט ניט הערען.

ב) דער צוזאַמענפאָר וועט זיין בלויז א שטיצע פאַר די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען.

אין דער רעזאָלוציע ווערט ווייטער פאָרגעלייגט אויפדעקען פאַר די ברייטע פאָלקס־מאַסען די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מהות פונ'ם צוזאַמענפאָר און פירען א העפטיגען קאַמף געגען דער אידישער בורזשואַזיע, כדי דערנעהענטערן דעם סאָציאַליזם.

די אידען אין ליטא.

לויט די גרוסען, וואָס ווערען ערהאַלטען פון די אָקופּירטע געגענטען איז די לאַגע פון די אידען אין ליטא א שרעקליכע. דער הונגער ווילדעוועט דאָרט אָהן רחמנות און מענשען שטאַרבען ממש אין די גאַסען. די דייטשע מאַכט באַנעהמט זיך אכזריות'דיג מיט דער אידישער באַפעלקערונג. מ'האַלט אין איין ראַבירען די איינוואוינער, אמת, אויף א מאָדערנעם אופן; כמעט טעגליך קומען פאָר הויז־זוכונגען און מ'נעמט צו קופּער, מעש און בכלל אַלץ, אין וואָס די דייטשען נויטיגען זיך. דער דייטשער פעלדפעבעל איז איצט אַלץ דער בעל־הבית אין שטעטל און די פראַזע „פערפלוכטער יודע“ קאָן מען הערען אויף יעדען טריט און שריט.

א גרויזאַם שרעקליך בילד איז צו זעהען אויף די גאַסען פון ווילנע בעת די דייטשע סאָלדאַטען לאָזען זיך אַרויס איבער'ן גאַס זוכען אַרבעטער; קיינער קאָן זיך דאַמאָלס ניט אויסדרעהען פון זייערע הענט. אָט די „מענשען־יאַגד“ קומט פאָר הויפּטזעכליך אום שבת.

ווען די דייטשען זיינען געקומען קיין באַראַנאָוויטש האָבען זיי געפאָדערט ביי די אידישע פאָרשטעהער, מ'זאָל איינפירען דאָס, וואָס די דייטשען רופען אַן „פריידען־הייזער“... פרומע אידען זיינען געוואָרען אויסער זיך און האָבען זיך אָבגעזאָגט. דאָך האָט מען זיי פּשוט געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז אויב אזוי זיינען אין סכּנה זייערע אייגענע פרויען און טעכטער. די אידען האָבען זיך איבערגעשראָקען, מ'איז געפאָרען, געבראַכט פרויען, און די תוצאות אויף די „פריידען־הייזער“ טראָגט עד היום די אידישע געזעלשאַפט.

אָבגעזאָגט א השתדלות.

נאָך דעם, ווי דאָס שול־וועזען אין פּוילען איז אַריבער אין רשות פון דער פּוילישער מלוכה־מאַכט איז דער דאָרטיגער מאַכט איבערגעגעבען געוואָרען צו באַטראַכטען די בקשה פון „אידישען שול און פאָלקס־בילדונגס־פאַראיין“, וואָס איז אין זיינער צייט איבערגעגעבען געוואָרען דער געהעריגער מאַכט, צו ערלויבען דעם פאַראיין גרינדען א לערער־סעמינאַר פאַר אידישע לערער מיט דער אידישער למוד־שפּראַך. דער שול־און פאָלקס־בילדונגס־פאַראיין האָט זיך דערביי פאַררופען אויף זיינע באַשטעטיגטע תקנות, וועלכע זעהען־פאָר די עפענונג פון אַזאַ סעמינאַר.

איצט האָט דער „שול־און פאָלקס־בילדונגס פאַראיין“ באַקומען א תשובה פון פּוילישען שול־אינספּעקטאָר, אז די בקשה איז אָבגעוואָרפען געוואָרען, ווייל די אידישע שפּראַך (זשאַרגאָן) אַלס למוד־שפּראַך איז נישט פאָרגעזעהן אין די תקנות פון פּוילישען שול־וועזען.

א פאַרבאַנד פון קריגסטיילנעמער און קריגסבאַשעדיגטע.

אין דער וויענער „אידישער צייטונג“ האָט דר. נתן בירנבוים געמאַכט פאָלגענדען פאָרשלאַג וועגען א פאַרבאַנד פון אידישע קריגסטיילנעמער און קריגסבאַשעדיגטע.

אַזעלכע פאַרבאַנדען ווערען שוין געגרינדעט אין פאַרשיעדענע קריגספיהרענדע לענדער: די אידען וואָלטען צוליב דער באַזונדערע לאַגע, אין וועלכע זיי האָבען צו פאַרענטפערען, געדאַרפט באַצייטענס גרינדען א באַזונדערען פאַרבאַנד.

די צוועקען פון דעם פאַרבאַנד דאַרפען זיך קאָנצענטרירען אַרום דער נויטווענדיגקייט, אז די קריגס־טיילנעמער זאָלען קענען זיך צוריקנעמען צו די ווירטשאַפטס־און אַרבייט־צווייגען, צו וועלכע זיי האָבען געהערט פאַר דער מלחמה. דער פאַרבאַנד דאַרף אויך פאַרטיידיגען די באַזונדערע רעכט און פריווילעגיעס, פון וועלכע זיי קאָנען נאָך דער מלחמה געניסען. אין דעם פאַרבאַנד דאַרפען אַחוץ די, וואָס האָבען אינ'ם קריג געקעמפט, אַריינגענומען ווערען אויך יענע, וועלכע האָבען פון איהם דירעקט געליטען. אויך די אינטערעסען פון די יורשים פון פאַרשטאָרבענע קריגסטיילנעמער דאַרפען דורך דעם

פאַרבאַנד פאַרטרעטען ווערען. די געלטמיטלען, וועלכע זיינען פאר דעם פאַרבאַנד נויטיג, זיינען ניט גרויס; עס קענען געניגען די אבצאָלונגען פון די פאַרבאַנדס-מיטגלידער און קליינע זייטיגע הילף. דער פאַרבאַנד קאָן אויך אונטערנעמען אייגענע ווירטשאַפטס-אָפּעראַציעס, וועלכע זאָלען אָבער נישט שטערען זיין עיקר-טעטיגקייט.

דער פאַרבאַנד וואָלט זיך שוין געדאַרפט גרינדען נאָך בשעת די מלחמה דויערט. איצט וואָלט מען הסתם זיין טעטיגקייט געווען קליין, אָבער נאָך דעם שלום-שליסען, ווען הונדערטער טויזענטער קריגס-טיילנעמער וועלען אָנהויבען צוריקצוקעהרען צו זייערע געוועהנליכע באַשעפטיגונגען, וועט דער פאַרבאַנד דאַרפען אַריינשטעלען אלע זיינע אַרבייטס-קרעפטען אין קאָן.

היימלאָזע פון גאַליציען.

פון וויען טיילט מען מיט, אז אויף אַ זיצונג פון שטאָט-ראַט האט דער ראַטמאַן קונטשאַק און אנדערע אָנגעפרעגט דעם בירגערמייסטער, צי ער האלט נישט פאר נויטיג אויפפאָדערען די רעגירונג ארויסצושיקען פון וויען די אידישע היימלאָזען, וואָס געפינען זיך אין שטאָט. אויב עס וועט נישט מעגליך זיין אָפּשיקען די היימלאָזע אידען אין די ערטער, פון וואַנען זיי זיינען געקומען, דאַרפען זיי אינטערנירט ווערען אין די קריגס-באַראַקען און אונטערגעוואָרפען ווערען צוואַנגס-אַרבייט.

דער בירגערמייסטער האט געענטפערט, אז וועגען דעם ענין דארף מען אַריינטראָגען א אָנפראַגע אין פארלאמענט.

פון בודאפעשט איז מען ווידער מודיע, אז דער אויפזיכטס-אַמט אויף פרעמדע האָט באַקומען א באַפעהל פון אינערן-מיניסטעריום, אז ביז דעם 15-טען דעצעמבער זאָל דורכאויס פארענדיגט ווערען דאָס ארויסשיקען די היימלאָזע פון גאַליציען און בוקאָווינע אין זייערע פריהערדיגע וואוינונגס-ערטער, און פון דעם טאָג אָן טאָרען זיי זיך נישט געפינען אין בודאַפעשט. קיין שום פארלענגערונג פונ׳ם ערמאָגטען טערמין קאָן נישט דערלאָזט ווערען.

עסטרייך און די רומענישע אידען.

ווי ס׳טיילען מיט די ווינער צייטונגען, האָט דער גראַף טשערנין בשעת די שלום-אונטערהאַנדלונגען אין בוקאַרעשט אויפגעהויבען די פראַגע וועגען די רומעניש-אידישע באציהונגען, וואָס זיינען די לעצטע צייט זעהר פאַרשאַרפט. טשערנין האָט געפאָדערט אַז רומעניען זאָל מקיים זיין דעם בערלינער טראַקטאַט און אויפהערען צו רודפען די אידען.

א נאַציאָנאַלער סוחרים-פאַראיין.

אין וואַרשא גרינדעט זיך איצט א נייער אידישער סוחרים-פאראיין, וועלכער וועט טראָגען א מער נאַציאָנאַלען כאַראַקטער און צו אים וועלען קאָנען אָנגעהערען נאָר בלויז אידישע סוחרים.

די וואַהלען אין די אידישע קהלות אין פוילען.

עס זיינען אָבגעשטעלט געוואָרען די וואַהלען אין די אידישע קהלות אין פוילען, וואָס זיינען אין פיל שטעט דורכגעפירט געוואָרען אויפ׳ן סמך פון דער דייטשער פאַראָרדנונג וועגען דער אידישער רעליגיעז-נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. די סבה דערפון איז די נייע אידישע קאָמיסיע, וואָס רעווידירט דאָס געזעץ. אין דער קאָמיסיע באַטייליגען זיך דאָס רוב אַסימילאַטאָרען און זיי טוען אלץ, כדי אָבצוריינינגען דאָס געזעץ פון נאַציאָנאַלע מאָמענטען און איבערלאָזען בלויז די רעליגיעזע. עס בלייבט אלזאָ דער פונקט, לויט וועלכען דער רב פון שטאָט ווערט איינגערעכענט פאר א מיטגליד פון דער קהלה-פאַרוואַלטונג, די צוטיילונג אויף צוויי קוריעס אין אלע שטעט מיט א קהלה העכער 25000 נפשות, אזוי אז די אינטעליגענץ באַקומט א פיל גרעסער וואַהל-רעכט. און דער עיקר, די קאָמפּעטענץ פון דער קהלה ווערט באַשרענקט בלויז מיט רעליגיעזע ענינים.

די קאָנפערענץ פון די אידישע מיטעלשולען אין לאָדז.

אויף דער קאָנפערענץ פון די אידישע מיטעלשולען, וואָס איז ניט לאַנג פאָרגעקומען אין לאָדז, איז באַטראַכט געוואָרען די פראַגע וועגען גרינדען א פאַרבאַנד פון די אידישע מיטעל-שולען אין פוילען. דאָס פּראָגראַם פון די אידישע למודים אין מיטעלשולען, וועגען אויסבילדען קוואַליפיצירטע לעהרער פאר אידישע אין אלגעמיינע געגענשטאַנדען, וועגען פוילישע לעהר-ביכער פאר אידישע שולען און מכח א שול-קאַלענדאַר.

עס זיינען ענטשטאַנען לענגערע וכוחים וועגען דער פראַגע, וועלכע מיטעל-שולען עס זאָלען קאָנען געהערען צום „פאַרבאַנד פון אידישע מיטעל-שולען", וואָס מען האָט בדעה צו גרינדען.

רבנים-קאָנפערענץ אין לובלין.

אינגיכען דאַרף אין לובלין פאָרקומען א קאָנפערענץ פון די רבנים פון דער עסטרייכישער אָקופּירטער געגענט אין פוילען.

אידישע אינטערפּעלאַציעס אין עסטרייכישען פּאַרלאַמענט.

אויף דער זיצונג פונ׳ם 19 פעברואַר איז דורך די אידישע דעפּוטאַטען אין עסטרייכישען רייכסראַט קוראַנדאַ און ד״ר שטרויכער (ציוניסטען) אַריינגעבראַכט געוואָרען א אינטערפּעלאַציע, וועלכע פאָדערט אויף דעם אויסערן-מיניסטער גראַף טשערנין צו פאַרזיכערען ביי די אָנגעהויבענע שלום-פאַרהאַנדלונגען מיט רומעניען די בירגערליכע און פּאָליטישע רעכט פאר די רומענישע אידען.

קאָנסטאַטירענדיג, אז די רומענישע רעגירונג האָט נישט נאָר אָנגענומען די באַשלוסען פון בערלינער קאָנגרעס, נאָר זי האָט נאָך אויף א גראָבען אופן זיי געבראָכען, קומען די אינטערפּעלאַנטען צום באַשלוס, אז צווישען אלע נאַציאָנאַלע פראַגען איז די אידענפראַגע די אינטערנאַציאָנאַלסטע.

די צווייטע אינטערפּעלאַציע איז אַריינגעטראָגען געוואָרען דורכ׳ן ד״ר שטרויכער וועגען דעם פאַרבאָט צו באַניצען זיך מיט דער אידישער און העברעאישע שפּראַכען.

אין דער אינטערפּעלאַציע ווערט צווישען אַנדערע געזאָגט: אויף דער אָנפראַגע פונ׳ם 26 יוני 1917 צו די מיניסטאַרען פון יוסטיץ, אינערען און קריגס וועגען דעם פאַרבאָט פון אידיש האָב איך קיין ענטפער נישט באַקומען;

אויף דעם אופן ווערט א 14 מיליאָנען פאָלק פאַרבאָטען באַנוצען זיך מיט זיין מוטער-שפּראַך און אויך מיט דער שפּראַך, וועלכע אַלע רעליגיעזע האָבען זיך באַנוצט, דער דאָזיגער פאַרבאָט ווירקט אונגעהייער שלעכט אויף די אידען.

די אינטערפּעלאַציע איז אונטערגעשריבען דורך 10 אוקראַאינישע דעפּוטאַטען, ברייטער, אָנציול, רייד, און אויך דורך „משה ראַבינער פּאָליאַקען" קאָלישער, שטיינהויז, לעווינשטיין און אַנדערע.

חוצפּה.

די רעדאַקציע פון לעמבערגער „מאָנבלאַט" האָט באַקומען פון שמשיזאָוו (מערב-גאַליציען) אַריינגעלעגט אין א בריף א אידיש קאַרטעל, וואָס די שמשיזאָווער פּאָסט האָט ניט געוואָלט אָננעמען און דאַרויף אָנגעשריבען: „אונצולעסיגע שפּראַך". דער פּאָסט-בעאַמטער שרייבט די צייטונג, איז אָדער אַנ׳עם-הארץ, וועלכער ווייסט נישט, אז אידיש איז שוין ענדליך דאָרט יאָ ערלויבט אָדער א מחוצף און שאַפט זיך אַליין געזעצען קעגען אידישער קאָרעספּאָנדענץ. ס׳איז אינטערעסאַנט, ווי אזוי וועט די פּאָסט-דירעקציע רעאַגירען אויף אזא געשיכטע.

100.000 קראָן אויף יתומים-הייזער.

די גאַליציאַנער און בוקאָווינער רביים, וועלכע וואוינען אין וויען האָבען צונויפגעזאַמעלט צווישען זייערע חסידים הונדערט-טויזענט קראָן אַלס פאָנד צו גרינדען יתומים-הייזער אינ׳ם טראַדיציאָנעלען גייסט.

אידישע סטודענטען אין אַמעריקע.

אויף יעדע 10 טויזענט אידען אין אַמעריקע געפינען זיך 48 סטודענטען אין די דאָרטיגע הויכשולען; אויף די זעלבע צאָהל קריסטען מאַכט אויס די צאָהל סטודענטען 19 מאַן.

א פּאָגראָם אין קראָקוי.

אין קראָקוי איז פאָרגעקומען א גרויסער אידישער פּאָגראָם. דער צערייצטער המון איז אָנגעפאַלען אויף דער פרידליכער אידישער באַפעלקערונג און האָט שרעקליך געשלאָגען די מענער, פרויען און קינדער. אינ׳ם אידישען קוואַרטאַל, אין קאַזשמעזש, זיינען אַלע אידישע וואוינונגען און מאַגאַזינען צעראַבירט. די פּאָליציי האָט רוהיג צוגעזעהען די ווילדע מעשים פונ׳ם צערייצטען המון. די זאָלדאַטען, וועלכע מ׳האָט אַרויסגעשיקט איינצושטילען האָבען נאָר די אידען ערפילט זייער חוב, די פּאָליאַקען האָבען זיך אָנגעזאָגט צו פאַרטיידיגען די אידישע באַפעלקערונג.

די אידישע זאָלדאַטען האָבען אָרגאַניזירט א זעלבסטשוץ, נאָר מ׳האָט זיי פאַרבאָטען אַרויסגעהן פון די קאַזאַרמעס און דעריבער האָבען די פּאָגראָמשטשיקעס געהאַט די מעגליכקייט אונגעשטערט צו ראַבירען און שלאָגען. די ידיעה וועגען קראָקויער פּאָגראָם האָט אַרויסגערופען א גרויסע צערודערונג ביים עסטרייכישען אידענטום.

* * *

ציוניסטישע באַוועגונג.

קאָנפערענץ פון דייטשע ציוניסטען.

סוף 1917 יאָר איז אין בערלין פאָרגעקומען א קאָנפערענץ פון די דייטשע ציוניסטען. נאָך דער רעדע פון ד״ר האַנטקע וועגען דער איצטיגער לאַגע פונ׳ם ציוניזם אין פאַרשיעדענע לענדער זיינען אָנגענומען געוואָרען א רייהע וויכטיגע רעזאָלוציעס, צווישע זיי א רעזאָלוציע, אין וועלכער די פאַראייניגונג פון די דייטשע ציוניסטען באַגריסט מיט באַפרידיגונג דעם אַקט, וואָס די ענגלישע רעגירונג האָט אין אַנ׳אָפיציעלער ערקלערונג אָנערקענט דאָס רעכט פון אידישען פאָלק אויף א נאַציאָנאַלען לעבען אין פּאַלעסטינע און קאָנסטאַטירט מיט דאַנק די ערקלערונג פון עסטרייך-אונגאַרישען אויסערן-מיניסטער, אַז די עסטרייך-אונגאַרישע רעגירונג פאַרהאַלט זיך סימפּאַטיש צום ציוניזם און וועט אונטערשטיצען די ציוניסטישע שטרעבונגען ביי דער טערקישער רעגירונג. דעם אַקציאָנס-קאָמיטעט האָט אוודאי געלינגען צו באַ-

קומען פאר די ציוניסטישע שטרעבונגען די הסכמה פון אלע גרויסע מלוכות און באזונדערס פון דער טער[illegible].

ביי די נייע פארהאנדלונגען אין מזרח־איראפע דארפען די אידישע מינדערהייטען באקומען געזיכערטע רעכט גלייך ווי אלע אנדערע נאציאנאלע מינדערהייטען, און באזונדערס די אידען אין פוילען און ליטע — נאציאנאל־קולטורעלע אויטאנאמיע; אזוי ווי רומעניען איז איצט די איינציגע מלוכה וואס וויל נישט אנערקענען די אידען פאר גלייכבארעכטיגטע, ערווארט די דייטשע ציוניסטישע פאראייניגונג, בעת די שלום־פארהאנדלונגען וועט די דייטשע רעגירונג דורכפירען די אומבאגרענצטע גלייכבארעכטיגונג פון די רומענישע אידען.

די פאלעסטינע־וואך אין קיעווער געגענד.

ניט האבענדיג די מעגליכקייט, צוליב די לעצטע געשעהענישען אין קיעווער געגענד, דורכפירען די פאלעסטינע־וואך אין דער צייט, וועלכע איז באשטימט געווארען דורכ'ן מרכז, האט די קיעווער געגענד־ביורא פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע באשלאסען צוטרעטען צו דער ארגאניזירונג פון דער וואך אין דער גאנצער געגענד אין די נאהענטסטע טעג. וועגען דעם נייעם טערמין וועלען געגעבען ווערען ספעציעלע מעלדונגען.

אנאזכרה נאך ד״ר טשלענאוו.

מיטוואך דעם 13 מארט איז אין קיעווער כאר־שול ביי א גרויסען עולם געמאכט געווארען אן אזכרה נאך דעם פארשטארבענעם פארזיצער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע ד״ר יחיאל טשלענאוו. ס'האבען געהאלטען רעדעס דער ראבינער גורעוויטש און דער פארזיצער פונ'ם קיעווער קהלה־ראט מ. נ. סירקין, וועלכער האט אין א גרויסארטיגער פארם געשילדערט דאס לעבען פון ד״ר טשלענאוו און אנגעוויזען אויף זיינע פארדינסטען פאר'ן אידישען פאלק, ווי גלייכצייטיג געגעבען א בילד פון דער גאנצער עפאכע.

וועגן טשלענאוו'ס טויט.

דאס ציוניסטישע ביורא אין קאפענהאגען ערהאלט פיל מיטגעפיהל־דעפעשען צוליב טשלענאוו'ס טויט. צווישען זיי אויך פון ענגלישען און שפאנישען קאנסול אין קאפענהאגען, פראפ. סימאנסאן, אבער־ראבינער ד״ר שארענשטיין פון קאפענהאגען, אבער־ראבינער ד״ר ערענפרייז פון סטאקהאלם און אנד.

א וואלד אויף טשלענאוו'ס נאמען.

אויף דער לעצטער זיצונג פון עסטרייכישען נאציאנאל־פאנד־ביורא איז לויט'ן פארשלאג פונ'ם וויצע־פארזיצענדען ה' אדאלף בעהם באשלאסען געווארען צו פלאנצען א טשלענאוו־וואלד אינ'ם הערצל־וואלד צום אנדענקען פונ'ם פארשטארבענעם ציוניסטישען פיהרער. אלע פארטרויאונגס־מענער און פריינד פונ'ם פארשטארבענעם אידען ווערען אויפגעפאדערט זיך צו באטייליגען אין דער דאזיגער פאראנשטאלטונג און אנהויבען איבעראל צו זאמלען געלט פאר'ן טשלענאוו־גארטען.

א ציוניסטישע פארזאמלונג אין פאריז.

אין פאריז איז פארגעקומען א פייערליכע דעמאנסטראציאנס פארזאמלונג פון די פראנצויזישע ציוניסטען צו וועלכע ס'זיינען געקומען 2000 פערזאן. באגריסונגען זיינען דערהאלטען געווארען פון אויסערן־מיניסטער פישאן, ענגלישע באטשאפטער לא־ד בערטיע. די ליגא פאר מענשענרעכט, האטאס, מאנטעל, און סאפיר.

ארבייט פאר פאלעסטינע

דער ציוניסטישער אינזשענערן־פאראיין' וואס האט זיך מיט א יאר צוריק ארגאניזירט אין אמעריקע האט זיך געווענדעט מיט אן אויפרוף צו 300 אידישע אינזשענערען אין ניו־יארק, אין וועלכען מ'לעגט ווי פאר צו שטודירען די לעבענס־באדינגונגען אין פאלעסטינע און זיך פראפעסיאנאל צוגרייטען צו יענע־ לאנד, ווען וויטערע טעכנישע קונסט און ערפארונג וועלען דארפען דינען דעם אידישען פאלק.

ליטערארישע נייעס.

אין ווארשע איז ארויס פון דרוק דאס ערשטע זאמעל־ביכעל פון „הלל צייטלינס בריעוולאך" מיט פאלגענדען אינהאלט: אונזער ווארט; הלל צייטלין — דער זין פון די וועלט־געשעהענישען אין ליכט פון חב״ר: אלעקסאנדער פארבא — חבן פעלער פאלען" (פאעמע); שלמה גילבערט — אהן א וועג (עטיוד); אהרן צייטלין — לידער; א. ל. קונין־פעוזמארט — די לעצטע מלחמה (נאוועלע); הרב ר' יהודה־ליב זלאטניק — וואס מיר פאדערען; הלל צייטלין — ביים צום אידישען פאלק (ערשטער בריף) חסידות. פון ר' נחום טשערנאבילער, ר'שלמה קארלינער, ר' אהרן קארלינער, חדושי הרי״ם א. אנד.; ראלף וואלדא טריין — דער נייער אנהויב; מאריס מעטערלינק — די אינערליכע שיינהייט; קריטיק.

*
* *

אין קראקא האט אנגעהויבען צו ערשיינען דאס אידישע וואכענבלאט „דער סאציאל דעמאקראט", דער ארגאן פון דער אידישער סאציאל דעמאקראטישער פארטיי אין גאליציען און בוקאווינע.

*
* *

— אין פארלאג „די נייע אידישע פאלקסשולע", ווילנע, איז ארויס פון דרוק א סעריע פון „א דייטשע פאלקס־רעטעניש־ען", געזאמעלט און דערקלערט פון ש. באסטאמסקי. דאס שיין ארויסגעגעבענע ביכעלע ענטהאלט 132 עכט פאלקסטימליכע אידישע רעטענישען און ווערט אונזערע קינדערלאך פארשאפען א סך פרייד.

*
* *

בקרוב הויבט אן אין ווילנע צו ערשיינען א וויכטיגע אידישע ביבליאטעק אונטער דעם נאמען: „אידישע פאלקסביבלאך" רעדאגירט פון ד״ר. מ. נייער. דער גרעסטער טייל פון דער ביבליאטעק וועט זיין דער פאלקסווירטשאפט געווידמעט.

יעדע נומער וועט האבען 64 זייטען און וועט קאסטען 50 העלער. מייסטענס וועלען זיינען אילוסטרירט זיין אט די ביכער, ו עיכע נעפינען זיך שוין אין דרוק אדער אין דער ארבייט: וואס איז פאלקסווירטשאפט — מנו״ר מענדעלי מוי״ס—לובעצקי. דאס אויג און זיינע קראנקהייטען — ד״ר. שיריינ, אידישע אויטאנאמיע — דרי קאסנער. באנק און וועקסעלרעכט — ד״ר. פלאשקעס. די פארפאסונג און די אידען — ד״ר. קאדיש, אידישע ארצטע — מ. ג. וועגען טובערקולאזע — ד״ר. חמעלניצקי. פאלקס־ביבליאטעקען — ד״ר. פינקעלשטען, אידישע פערזענליכקייטען — שמאנדר־געאגראפיע פון איראפא — פראפ. ד״ר. מענשען. די אידישע קולטורגעמיינדען אין עסטרייך — ד״ר. ישראל וואלדמאן. הלל הרופא — ד״ר. מ. נ. די מלחמה און די אידען — ד״ר. בערקעלהאמער. מיין גלות אין סיבירען — ד״ר. מ. עבנער. די ערשטע נומער ערשיינט באלד.

*
* *

אין ווילנער פארלאג „רויבעלם אילוסטרירטע קינדער־ביבליאטעק" זיינען ערשינען: „דוימעלע" — א מעשה פון האנס האנדערסען; ווי א אינגעל איז ארומגעלאפען ארום זיין קראנקען טאטען" — דערציילונג פון ד'אמיטשיס; „א מעשה וועגען פעטער קוואק, וואו ער האט געלעבט און וואס ס'האט זיך מיט אים פארלאפען" (פון לעבען פון די פרעש). אין דעם זעלבינען פארלאג וועלען אין גיכען ארויסגיין פון דרוק א דריי נאטור־וויסענשאפטליכע דערציילונגען.

*

גרוסען פון פוילען.

שלמה באנג מיט פאמיליע, ווארשא, טווארדא 24, זיינען געזונט און גריסען זייערע קרובים אין קאמענעץ־פאד.

יוסף איריזאן און פרוי, נתן אוריזאן, שמואל ראזענטאל גריסען די קרובים אין מאסקווע, קיעוו און סימפעראפאל. אלע זיינען געזונט.

אינזשענער פאל מעדרעס, ווארשא, איז געזונט און גריסט זיין פריי מאניע מיט דער פאמיליע אין פאלטאווע.

ראובן לאבענסקי מיט פאמיליע, ווארשא נאלעווקי 35, זיינען אלע געזונט און גריסען זייער פאטער און פאמיליע אין באגארודכאוו און סומע.

אינזשענער מאזעס מעדרעס מיט פאמיליע אין ווארשא זיינען אלע געזונט און גריסען דער מוטער ארליס מיט פאמיליע אין פאלטאווע.

חיים וועקשטיין, פרוי און קינדער, ווארשא, שליסקע 35, זיינען געזונט און גריסען די פאמיליע אקאפענק און וועקשטיין אין ראוונע.

אהרן ריקליס, ווארשא זשעלאזנא 459 איז געזונט און גריסט דער מוטער חוה ריקליס אין בערדיטשעוו.

משה מייטעלבוים מיט פאמיליע, דארא און גענייא ארליס אין ווארשא זיינען אלע געזונט און גריסען דער שוועסטער רחל ארליס אין פאלטאווע.

וואלף און מיכל פלינצבוים פון לאדז פאלודניאווא 18 גריסען הערצליך זייער מוטער צירל פלאנצבוים מיט קינדער אין בערדיטשעוו.

יוסף ראבינאוויטש, יוסף אורינאוויץ, יולאוס סימאנאוויץ, יהושע וויץ אין לאדז גריסען די הערצע ראזענטאל און יאנאס אין מאסקווע.

משה ראוויטשער מיט פרוי און קינדער אין ווארשא, פראנציסקאנער 11, זיינען געזונט און גריסען דער מוטער אין אומאן, ברודער אלקנה אין מאסקווע און שוועסטער אין שוואגערס אין ארעם.

גרליה פערעלמוטער מיט פרוי און זוהן, ווארשא פאוויא 8, גריסען זייערע עלטערן און פאמיליע ראזענבערג אין האמעל.

יעקב באדקער מיט פאמיליע, ווארשא אגראדאווע 59, זיינען געזונט און גריסען זייער טאכטער סאניע און מעטשיסלאוו באדקער מיט פאמיליע אין ארעס, יעקאטערינינסקע 25.

משה ארליאנסקי און עלטערן אין ווארשא פאנסקא 20, זיינען געזונט און גריסען זיין פרוי עם פיר, זוהן און שוויגערעלטערן אין סאמארא, דווארינאנסקע 32.

אברהם פיטקאווסקי און פרוי (אגראדאווא 29) אין ווארשא זיינען געזונט און גריסען די עלטערן אין אומאן.

חיים מארגאווניק און פאמיליע (נאוואוואלסקי 2) פון ווארשא גריסען פייוויל מארגאווניק אין קיעוו.

קלארא ווילענסקי, ווארשא, לעשנא 28 ביי מאפאס, איז געזונט און גריסט די עלטערן ישראל ווילענסקי אין טשערנאביל.

ירוחים שאץ, משה ליפשיץ און פאמיליע יאפע אין שעדלעץ, אגראדאווע 12 גריסען זייערע שוועסטער און מוהמעס חנה ראווידזאן און חמקה אייזענבערג ווי אויך פאמיליע גרשון פרישבערג אין מינסק.

מנחם לעסענסיס און פרוי גריסען די פאמיליעס ליאחאוויצקי, ראטינסקי און אלע פריינט אין קרעמענטשוג.

ליאניע לעווינזאן און קינדער אין ווארשא זיינען געזונט און גריסען זייער מאן און פאטער משה יוסף (יובילער) אין קיעוו.

נתן ריבאַיאר (חלאָרנע 4) מיט שוועסטער טאָבצע, פעסע און ברודער ישראל דוד אין וואַרשאַ גרוסען זייער ברידער יעקב אין יעקאטערינאָסלאוו. אלע זיינען געזונט.

———

פענדל גורטמאַן און פאַמיליע גריסען זייער טאָכטער און איידעם יאַנקעל נמרא אין קיעוו. אלע זיינען געזונט.

———

הירש און פאַמיליע זאַריצקי זיינען געזונט און גריסען זייערע קינדער אין טשערניגאָוו און אָמסקווע.

———

מרים גיביאַנסקאַ מיט פאַמיליע איז געזונט און גריסט אַלע איי־ענע ווי איך ליובאַ טענענבוים אין האַרקאָוו און יום־טוב נערמאַן אין פאָלטאַווע.

רעדאַקטאָר **מ. גראָסמאַן.**

אַרויסגעבער **י. כהנ׳און.**

די רעדאַקציע, אדמיניסטראַציע און דרוקעריי פון „אויף דער וואך“ —דריקען אויס זייער מיטגעפיל

פרוי און הער כהנאוו

אויפ׳ן טויט פון זייער מוטער.

מיר דרוקען אויס אונזער טיעפסטען מיטגע־פיל אונזערע פריינד

יצחק כהנאוו און פרוי

אויפן טויט פון זייער מוטער.

ד״ר י. דרוליטש און פרוי.

זין, טעכטער, שניר און איידעמס פון דער פארשטארבענער

באבצי בארישפאלסקי

באדאנקען אלע, וואס האבען גענומען אנ׳אנטייל אין דער לויה און אויסגעדריקט זייער מיטגעפיל.

עס איז ערשינען פון דרוק

די באלשעוויסטישע הגדה

לכבוד פסח

פון דעם טונקעלען

מיט דינים פון בדקת־חמץ און בעור־חמץ און סדר־פראווען, ווי אויך א סך שענע מעשות און משלים פון יציאת באָלשעוויקעס, געשריבען אויף עברי־טייטש, בכדי עס זאָלען קענען פאַר־שטעהען גרויס און קליין.

— פרייז פאר איין עקזעמפליאר 40 קאָפ. מיט פארטא 50 קאָפ. —

אַדרעס:

Типография „Возрожденіе“ для І. Тункеля Кіевъ, Б.-Васильковская 72.

גרוסען קיין פוילען.

אפרים ליפשיץ. (קיעוו)

שיקט א גרוס זיין שוואגער און שוועגערין און פריינר אין ווארשע, פאוויע 33. ער רעכענט קורצליך זיך זעהן מיט זיי, א גרוס פון די ברידער פטאקאווסקי. זיי געפינען זיך אין קיעוו.

העניך גליקסבערג. (קיעוו).

שיקט א ווארעמען גרוס זיין מוטער, שוועסטער און ברודער, ווארשע, קעפזעצקי איז געזונט. ביי ערשטע מעגליכקייט דענקט ער צו פאהרען א היים. געברידער שטיינבערגער געפינען זיך אין מאסקווע. זיינען געזונד.

לייב גוטמאן קלעבאנסקי.

(דעמיעווקא, קיטאיעווסקיא 4) איז געזונד און גרוסט דעם פאטער, מוטער, ברידער, שוועסטער, און שוועגערין ווילנא, מיראנסקיא 29.

בעריש גאלדשטיין

און פאמיליע (קיעוו פישקינסקי 39) גריסען זייערע עלטערן, שוועסטער און ברידער אויך אלע באקאנטע. אלע זיינען געזונט.

ליזא מעלוף.

גריסט פאמיליע בערגער, (ווילנע, האספיטאלנע 17 דירה 1) און מעלדעט, אז זי, אירע עלטערן און קרובים זיינען געזונד. בעט שרייבען.

משה ליזעראוויטש

גריסט זיין שוועסטער און שוואגער נחמקה און מאיר גינגאלד פון בריסק און איז מודיע, אז דער טאטע, די מאמע, ברידער, שוועסטער און אלע אייגענע זיינען געזונט און געפינען זיך אין ראגאטשאוו, מאהילעווער גוב.

סטודענט מ. חאדאס

גריסט זיין מוטער, שוועסטער און קרובים אין קאוונע (מ. ווילענסקי 24) און מעלדעט, אז ער איז געזונט, לערענט אין אוניווערזיטעט, וואוינט אין קיעוו קאראוואיעווסקי 9^{1}.

משה און שפרה בליכער

גריסען די שוועסטער קאהעליעוויץ און מומע פרענקעל אין ווארשע ריבאקי 30, מיר און אונזער קינד זיינען געזונד, וואוינען אין קיעוו יאראסלאווסקי 21.

גדליהו לערנער

פון פישטאטש, האל. גוב. גריסט זיין שוועסטער און שוואגער חיים אלטבייר און וואהנען דובינער גוב. וואוינט אין באברויסק מיט די עלטערן. לאגע א גוטע. בעט שרייבען.

גדליהו לערנער.

פון פישטאטש האל. גוב. גריסט הערצליך פרוי, שוויגער, שוואגער און שוועגערין אין האשין חאל. גוב. וואוינט אין באברויסק מיט די עלטערן. לאגע א גוטע. בעט שרייבען.

ש. ז. הוקר

פון בריסק, וואוינט צוזאמען מיט זיין ברודער ברודער און שוועגערין מינע אין באברויסק. מאטעריעליש—באזארגט. ייאי איז משה הוקר? גריסט אלעמען. בעט שרייבען.

עס זיינען ארויס פון דרוק נייע בראשורען

פון **מ. נ. סירקין**

1. א) צו זיינען מיר אידען הפקר? ב) דאס נייע לעבען און די אלטע קנעכט. פרייז 30 קאפ.

2. אונזער פאזיציע אין דער איקראינישער צענטראלער ראדע (רוסיש) פרייז 1 ר. 25 ק.

צו באקומען אין קאנטאר פון „טעלעגראף"

„Дер Телеграф", Кіев, Б.-Васильковская 72.

דרוקערײ „התחיה" קיעוו, גרויס-וואסילקאווסקאיא 72.

הועד המאוחד של ארבע המחלקות
„עם 'ציון בקיוב“,
מביע בכאב עמוק על האסון הפתאומי שקרה לעם ישראל שמת
בחיר־בניו ראש ההסתדרות הציונית

ד"ר יחיאל טשלינוב.

גרוסען קיין פוילען און ליטע.

יעקב ראבינאוויץ

פון סקידל גראד. גוב. גריסט זיינע עלטערן, ברידער, שוועסטער און פריינד. איז געזונט און ארבייט אין קיעוו קרעשטשאטיק 30.

מרדכי מולער

פון ראטאטשאווע גריסט זיינע פעטערס, מומעס און אלע קרובים, איז געזונט און וואוינט אין קיעוו, קרעשטשאטיק 30.

יוסף און אברהם וואסערגאלק.

מיט די פרויען און קינדער (קיעוו) זיינען אלע געזונט און גריסען א. וואסערגאלף, ווארשוי, מילא 23.

בעריש גאלדשטיין

און פאמיליע (קיעוו, פישקינסקי 39) גריסען זייערע עלטערן, שוועסטער און ברידער אויך אלע באקאנטע. אלע זיינען געזונט.

ליזא מעלופ.

גריסט פאמיליע בערגער (ווילנע, האספיטאלנע 17 דירה 1) און מעלדעט, אז זי, אירע עלטערן און קרובים זיינען געזונד. בעט שרייבען.

משה ליזעראוויטש

גריסט זיין שוועסטער און שוואגער נחמקה און מאיר גינגאלד פון בריסק און איז מודיע, אז דער טאטע, די מאמע, ברידער, שוועסטער און אלע אייגענע זיינען געזונט און געפינען זיך אין ראגאטשאוו, מאהילעווער גוב.

סטודענט מ. האראס

גריסט זיין מוטער, שוועסטער און קרובים אין קאוונע (מ. זוידענסקי 24) און מעלדעט, אז ער איז געזונט, לערנט אין אוניווערזיטעט, וואוינט אין קיעוו, קאראוואיעווסקי 9.

לטובת די אידען אין פוילען און ליטע.

צענטע רשימה.

(דורך נ. שטיינשראפער און קאראהינדסקי אין דער בראנזשע פון האלץ און וויינער.)

א. גאלינסקי	25 רובל
ל. וויגנערקא	25 „
מ. ציפין	20 „
אוסאטש	10 „
פעקעליס	5 „
סה"כ	85 רובל

עלפטע רשימה

דורכן חברה קאמיטעט פון

[illegible] N 2-26 איוף יאראסלאווסקי	100 רובל
חיניא און אפרים באראש	5 „
מ. דעיין	[illegible]
צ. וינגארענקא	5 „
ש. בובינסקי	5 „
ש. וינגארענקא	5 „
ר. גאָהפעלד	[illegible]
ה. זיסקינד	1 „
ש. פאקטאראוויטש	1 „
ל. אלעקסאנדראויא	5 „
מ. האסיק	25 „
דורך י. יעזיארענקא	140 „
שאגאדינסקי	10 „
שלום סירקין	10 „
מ. געלמאן	20 „
גרינבערג	10 „
היבין	5 „
גארקין	5 „
פ. גארדין	5 „
סה"כ	386 רובל

די ווייטערע רשימות און א גענויער חשבון—אין קומענדען נומער.

קיעוו, גרויס-וואסילקאווסקי, 72 דרוקעריי „התחיה“.

אויף דער וואַך

ארגאן פון ציוניסטישען נעראנק

„ДЕРЪ ТЕЛЕГРАФЪ“
„ОЙФЪ ДЕРЪ ВАХЪ“
КIЕВЪ,
Б.-Васильковская 72.

ערשיינט
וועכענטליך.
№ 3.

פרייז 70 קאפ.
דער פרייז פאר מודעות:
א פעטיט - שורה — 75 קאפ.
די רעדאקציע איז אפען פון 11 ביז 1.

פרייטאג, 19 אפריל 1918 קיעוו. ז' אייר, התרע"ח.

אינהאלט:

נענוג סוראָגאַטען; מ. גראָסמאַן: דער אַנטי־ציוניסטישער בלאָק; ס. נ. סירקין: דײַטש־פּויליש־אוקראַיִניש; י. שאַלמאַן: די אידישע באפעלקערונג אין אוקראַינע; ד"ר א. קאַראַלניק: שטעהען און געהען; מ. ק.: א נײַער ריס; נאָטיצען און אָבקלאַנגען: א) א דאָרן אין א פרעמד אויג, ב) צווײַ מאָסן ג) פּאַלפּיפיקאַציע, ד) זײַט פאַרזיכטיג!; דאָס אידישע לעבען אויף אוקראַינע; אין דער אידישער העלט; די ציוניסטישע באַוועגונג; ארץ ישראל; ליטעראַרישע נײַעס; גרוסען פון פוילען.

צוליב דעם יקרות אויף פאפיר און דרוק־מאטעריאלען, ווי אויך דעם נייעם פאסט־טאריף זיינען מיר געצוואונגען צו העכערען דעם פרייז פון 60 ביז 70 קאפ. פאר א נומער.

אין צוויי וואכען ארום הויבט אן ווידער צו ערשיינען

די גרויסע טעגליכע צייטונג

„דער טעלעגראף“

ארגאן פון ציוניסטישען נעראנק.

„דער טעלעגראף“ וועט זיך דרוקען אויף א ראטאציאָנס־מאשין און וועט ארויס פּינקטליך און רעגעלמעסיג.

אלע אגענטען און אָרגאניזאציעס ווערען געבעטען תיכף ליקווידירען זייערע חשבונות און אברעכענען זיך פאר די ערשטע דריי נומערן „אויף דער וואך“.

אויף דער וואַך

ארגאן פון ציוניסטישען געדאנק

„ДЕРЪ ТЕЛЕГРАФЪ“
„ОЙФЪ ДЕРЪ ВАХЪ“
КIЕВЪ,
Б.-Васильковская 72.

ערשיינט
וועכענטליך.
№ 3.

פרייז 70 קאָפּ.
דער פרייז פאַר מודעות:
א פעמיט׳-שורה — 75 קאָפּ.
די רעדאקציע איז אפען פון 11 ביז 1.

פרייטאג, 19 אפריל 1918 קיעוו. ז׳ אייר, התרע״ח.

אינהאלט: געגוג סוראָגאַטען; מ. גראָסמאַן: דער אַנטיציוניסטישער בלאָק; ס. נ. סירקין: דייטש-פּויליש-אוקראַיניש; י. שאַלמאַן: די אידישע באַפעלקערונג אין אוקראַינע; ד״ר א. קאָראַלניק: שטעהען און געהען; מ. ק.: אַ נייער ריס; נאָטיצען און אָבקלאַנגען: א) אַ דאָרן אין אַ פרעמד אויג, ב) צוויי מאָסן ג) פאַלסיפיקאַציע, ד) זייט פאַרזיכטיג; דאָס אידישע לעבען אויף אוקראַינע; אין דער אידישער וועלט; די ציוניסטישע באַוועגונג: ארץ ישראל; ליטעראַרישע נייעס; גרוסען פון פוילען.

„סוראָגאַטען!“

ווען עס נעהען אויס די נאַטירליכע כּוחות, הייבט מען אָן צו באַפרידיגען די באַדערפעניסען מיט געפאַלשעוועטע מישעכצע, ערזאַץ-אַרטיקלען, „סוראָגאַטען“, וואָס האָבען דוקא כּמעט דעם אייגענעם אויסזעהען ווי די אמת'ע נאַטור-שאַצען, זיינען אָבער וויסט און פוסט. זיי פאַרגרעסערען נאָר דעם הונגער און דאָרשט. ווי לאַנג קען מען אַ מענשען דערהאַלטען ביים לעבען מיט קאַנפעראיינשפּריצונגען אדער מיט זויער-שטאָף?

די מלחמה האָט איינגעפירט סוראָגאַטען אין אונזער גאַנצען לעבען: אויפ'ן אָרט פון געזונטען קאָרן אָדער ווייץ-ברויט — אַנ'אויסמישונג פון שטרוי אין קלאָטשע, אויפ'ן אָרט פון פאָלקס-פאַרטרעטער — פאָלקס-פאַררעטער; אויפ'ן אָרט פון סאָציאַלע רעפאָרמען — באָלשעוויזם; אויפ'ן אָרט פון פרייהייט — אַנאַרכיע.

אין ביי אונז, אויף דער אידישער גאַס, האָבען אונזערע כּלומרשט-סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, די גרעסטע גאונים אין נאָכטאַנצען און נאָכמאַלפּעווען אַלץ, וואָס שמעקט פון פרעמדע שטאַרקערע אומות, פאַרפליצט דאָס גאַנצע פּאָליטישע לעבען מיט סוראָגאַטען, פאַלסיפיקאַציעס און ערזאַץ. אויפ'ן אָרט פון אַ נאַציאָנאַלער פאַרטרעטונג — דער „נאַציאָנאַל-ראַט“, אויפ'ן אָרט פון אַ נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — „פאַראייניגטע“; אנשטאָט אַ גרינדונגספאַרזאַמלונג אַ מין באַשעפעניש, אויסגעקלאַטעט און צוזאַמענגעשטעלט פון דעם אייגענעם נאַציאָנאַל-ראַט און — פאַר אַ זכר לטיט-אַהין אַריינגעבראַכטע פאַרשטעהער פון קהלות.

דער נייער באַשעפעניש האָבען זיי אַ נאָמען געגעבען — „פּראָפּאַרלאַמענט“, במקום פּאַרלאַמענט. אויך האָט דאָך אויפגעטאָן דער רוסישער פּראָפּאַרלאַמענט, האָבען זיי זיך אַ פּנים אין אים מתקנא געווען און געוואָלט דאָס אידישע פאָלק אויך מזכה זיין מיט אַזאַ מין משונה'דיגער פאַרטרעטונג.

נישט איין מאָל האָבען מיר שוין שאַרף און ענערגיש פּראָטעסטירט געגען דעם, וואָס אין אַ משך פון דעם גאַנצען רעוואָלוציאָנס-יאָר פאַלסיפיצירען די קליינינקע קאַליקע-פּאַרטייען די אידישע פאַרטרעטונג, די אידישע געזעלשאַפטליכע מיינונג. אין דער ערשטער מהומה, ווען דער עולם איז נאָך געווען באַרוישט פון די ערשטע פרעהליכע טראָמפּייטען קלאַנ=

גען פון דער רעוואלוציע, האט זיך זיי איינגעגעבן פארמאסקירען זייער אידעמקייט, און זיי האבען דורכגעפירט אין דער דארע א אידישע פארטיי-פארטרעטונג אויפ'ן ארט פון א נאציאנאל-פארטרעטונג. און דער דאזיגער מאסקאראד, ווען קליינע היפעלאך פאליטיקאנטען פארשטעלען זיך פאר דאס גאנצע אידישע פאלק, דויערט נאך אויך ווייטער און פירט פון איין סוראגאט צום אנדערען. די גאנצע אידעע פון א אידישער נאציאנאל-פארטרעטונג ווערט געמאכט צו חוזק און שפאט; די אידישע פאלקס שטימע איז דערשטיקט; אין נאמען פון פאלק, און בעסטען פאל במקום דעם פאלק, רעדט שטענדיג א מנין אידישע באלשעוויקעס, וואס האבען פארכאפט די מאכט געוועלטיגען ביז היינט, מיטן ווייטער-און גלייב, בעלי-בית'עווען איבער אידישע אנשטאלטען, קהלות, שולען קענען נישט פריי-ווערדיג און קענען נישט [illegible]. און מיט דער צייט איז די קאמישע „פורים שפיל" געווארען א טרויעריגע „מכירת יוסף-שפיל". די אידישע פאלקס-אינטערעסען ווערען געגעבען מיט די פיס צוליב פארטיי-אינטערעסען צוליב דעם „עכט-דעמאקראטישען" פרינציפ: „איך בין, וואס מיין לינקער פוס וויל". אבי דער פוס זאל זיין לינק—מעג ער געהען אין וועלכען וועג ער וויל.

און דער פארפארלאמענט האט נאך געזאלט די דאזיגע שענדליכע שפיל מתיר מאכען אין דעם נאמען פון אידישען פאלק. דער „פארפארלאמענט" האט געזאלט אויך איר אויפלעגען דעם הכשר-שטעמפעל פון פאלקס-ווילען.

ווי שטענדיג אזוי איצט, שטעהען מיר אויף דעם שטאנדפונקט, אז סוראגאטען בכלל דארפען נישט צולאזען ווערען. די אידישע פארטרעטונג מוז געשאפען ווערען דורך דער אידישער גרינדונגס-פארזאמלונג.

די אידישע נאציאנאלע אינסטיטוציעס דארף מען ארויסנעמען פון פארטייאישע הענד.

כל זמן אבער ס'איז נאך נישט געווען באוואוסט דער טאג פון דער אוקראינישער גרינדונגס-פארזאמלונג, האבען מיר מורא געהאט, אז איינצורופען א אידישע גרינדונגס-פארזאמלונג: וועט דויערן חדשים-לאנג און ווייל די פאליטישע קאניונקטור ענדערט זיך און עס שוועבט א סכנה איבער דער גאנצער אידישער אויטאנאמיע, זיינען מיר בעלי-בתים מסכים געווען צו שאפען—ביז צו דער גרינדונגס-פארזאמלונג—א צייטווייליגע אידישע נאציאנאל-פארזאמלונג, אבער נאר פון פארטרעטער פון אלע דעמאקראטישע קהלות.

אויך אזא פארזאמלונג איז געווים נאך נישט דער אידעאל; זי האט דעם חסרון, וואס זי ווערט צוזאמענגעשטעלט נישט דורך איינפאכע, נאר דורך צוויי-פאכיגע וואהלען. דערפאר אבער האט זי א מעלה, אז די אויסגעקליבענע זיינען אזעלכע, וועמען די גאנצע נאציאנאלע באפעלקערונג האט אנפארטרויט אלע אירע אידישע אינטערעסען און אזא פארזאמלונג וואלט געווים געהאט גרויס צוטרוי און מאראלישען אויטאריטעט.

איצט אבער האט זיך די לאגע אין גאנצען געביטען. די אוקראינישע גרינדונגס-פארזאמלונג ווערט צונויפגערופען דעם 12 מאי און איצט קען מען שוין בשום אופן נישט צולאזען, אז די אידישע באפעלקערונג זאל זיך באנוגענען מיט סוראגאטען און זאל ווידער זיין א „ישראל במקום כהן". איצט מוזען מיר פאדערן, אז אין דעם קורצסטען טערמין זאלען געמאכט ווערען די וואהלען צו דער אמת'ער גרינדונגס-פארזאמלונג פון די אידען אויף אוקראינע.

אויך טעכניש איז דאס נישט שווער דורכצופירן, ווייל איבעראל זיינען פאראן פארטיגע רשימות פון די וועהלער און אין פיל ערטער שוין אויסגעקליבענע קהלות, וואס קענען ארגאניזירען די וואהלען.

די גרינדונגס-פארזאמלונג אליין וועט באשליסען וועגען די פארמען, וועלכע עס מוז אננעהמען די אידישע אויטאנאמיע אויף אוקראינא.

ס'איז אבער קלאר, אז דער גרונד-שטיין פון דער אידישער אויטאנאמיע, סיי פון היסטארישען סיי פון פאליטישען שטאנד-פונקט ווערט זיין די דעמאקראטישע אידישע קהלה, אלס נאציאנאל פאליטישער קערן פון אונזער זעלבסטפארוואלטונג. און מיר האלטען דעריבער פאר זעהר וויכטיג און דרינגענד נייטיג, אז צו דער צייט ווען ס'וועט זיך צונויפקלייבען די אוקראינישע גרינדונגס-פארזאמלונג זאל אין קיעוו צוזאמענגערופען ווערען דער צוזאמענפאר פון די אידישע קהלות אויף אוקראינא, וועלכער וועט האבען דעם צוועק צו שאפען א פארבאנד פון קהלות מיט א איינהייטליכער ריכטונג און ארבייטס-פראגראם.

וועט געלינגען צונויפרופען די אידישע נאציאנאל-פארזאמלונג, וועט דער צוזאמענפאר פון די קהלות באגנוגענען זיך בלויז דערמיט, וואס ער וועט זיך פארנעמען מיט ווירטשאפטליך-ארגאניזאטארישע פראגען, ער וועט אויסארבייטען די פארמען און סיסטעמען פון דער ארבייט אין די קהלות. וועלען נייע פאליטישע קאטאסטראפען שטערען דורכצופירען די וואהלען צו דער גרונדונגס-פארזאמלונג, דאמאלט וועט דער צוזאמענפאר פון די קהלות פארוואנדעלט ווערען אין א פארפארלאמענט, און א צייטווייליגע נאציאנאלע פארזאמלונגען.

מיר באגריסען דעריבער אין דעם זין די החלטה פון פרעזידיום פון דער קיעווער קהלה פארצושלאגען דעם קהלה-ראט נעמען אויף זיך די איניציאטיווע צונויפרופען דעם צוזאמענפאר פון אידישע קהלות, פון וועלכען מיר קענען געווים ערווארטען א נוצליכע און פרוכטבארע ארבייט.

אויפ'ן סדר היום פון אידישען פאליטישען לעבען אין אוקראינע שטעהען אויף אזא אופן צוויי אייפגאבען: א אידישע נאציאנאלע פארזאמלונג און א צוזאמענפאר פון קהלות. דאס איז דער איינציגער וועג, וואס פירט צו א געזונטער שאפונגס-ארבייט.

דער אנטיציוניסטישער בלאק.

דאס יאר פון פרייען געזעלשאפטליכען און פאליטישען לעבען האט סוף כל סוף קלאר געמאכט די אמת'ע כחות-פארהעלטנישען אינ'ם אידישען פאלק, אויסקריסטאליזירט די סאציאלע און פאליטישע עלעמענטען, וועלכע פארנעמען די פאדערשטע פאזיציעס אינ'ם קאמף, וואס שפילט זיך אב אויף דער אידישער גאס. מיר האבען איבערגעלעבט אלע עטאפען פונ'ם רעוואלוציאנס-יאר, איבערגעדינט כמעט אלע עבודה-זרות, דורכגעפירט פיר וואהל-קאמפאניעס און אפילו געשטעלט אויף א פראבע דעם היסטארישען נאציאנאלען אינסטינקט פון דער אידישער אומה. און וואס ווייטער, ווערען אלץ בולט'ער די גרונד-שטרעמונגען, וואס ראנגלען זיך פאר דער איבערהערשאפט אין אידישען פאלק.

מען קען שוין אצינד פעסטשטעלען מיט א גרעסערער אדער קלענערער גענויקייט,—אז דער קאמף קומט פאר הויפטזעכליך צווישען צוויי פאליטישע גרופען: צווישען דער סאציאליסטישער כתם-נאציאנאלער קאאליציע און די ציוניסטיש-טעריטאריאליסטישע גרופען. צווישען די פרינציפיעלע גלות'יסטען, וועלכע געפינען זיך דערצו אונטער דער השפעה פון דער אסימילאטארישער סאציאליסטישער און עקסטרעמער קלאסען-פראזעאלאגיע. און דעם ציוניסטישען כלל-ישראל-שטאנדפונקט, וועלכער ארגאניזירט אלע גרופען פון פאלק אונטער'ן דאך פון אלגעמיינע נאציאנאלע אינטערעסען.

אויף איין זייט שטעהען די ציוניסטען, מיט וועלכע עס געהען כסדר די ברייטע נישט-דיפערענצירטע אידישע מאסען, ווי אויך אנדערע אידיש-נאציאנאלע און אידיש-רעליגיעזע גרופען, וואס געבען אב זייערע שטימען די ציוניסטען ביי די ארויסטרעטונגען כלפי חוץ, ווען עס האנדעלט זיך וועגען א נאציאנאלען פראנט, און פון דער אנדערער זייט א בונד פון סאציאליסטיש-נאציאנאלע פארטייען, וועלכע האבען לעצטענס געשאפען א מין געהיימען אנטיציוניסטישען בלאק, וועלכער באהעפט אלע בפירוש אנטיציוניסטישע עלעמענטען און רעקרוטירט זיך אויסער דעם פון געוועזענע „רוסישע סאציאליסטען", אסימילאטארען אינטעליגענטען, „בעלי תשובות" און א טייל ארבייטער, וועלכע גלויבען נאך עד היום אינ'ם אידישען סאציאליזם אלס א סגולה פאר דער נאציאנאלער פראבלעם.

עס איז געווען א צייט, ווען מען האט נאך געקענט האפען, אז די טעריטאריאליסטישע און אפילו פאלעסטינענזיש געשטימטע סאציאליסטישע גרופען וועלען זיך שארף אפגרעניצען פונ'ם „בונד" און אויף אזא אופן מאכען מעגליך א געמיינזאמע ארבייט, לכל הפחות אין די וויכטיגסטע פראגען, מיט די נאציאנאלע און ציוניסטישע עלעמענטען, אז זייער געגנערשאפט וועט בלייבען בלויז אין די ד' אמות פון עקאנאמישען קלאסענקאמף. עס איז געווען א האפנונג, אז ס'וועט פארט איבערבלייבען א בריק, אויף וועלכען עס וועלען זיך קענען באגעגענען די אלגעמיין-נאציאנאלע אינטערעסען פון די דאזיגע גרופען, אין דער דאזיגער קאמף וועט לכל הפחות פאר'ן פנים פון די גרויסע היסטארישע אויפגאבען ניט געפירט ווערען אזוי שארף און אומברחמנות'דיג.

די ווירקונג פונ'ם פארסמ'טען רעוואלוציאנערען טשאד איז אבער הפנים עד היום נאך צו שטארק, דעריבער מוזען מיר זיך רעכענען מיט דעם פאקט, אז פון „בונד" ביז דער „פאלקספארטיי" האבען מיר צו טון מיט געגנער, וועלכע האבען זיך איצט אפען פאראייניגט צוליב דעם קאמף געגען דער ציוניסטישער אידעע.

די אנטיציוניסטישע קאנצענטראציע, וועלכע טרעט ארויס סאלידאריש געגען דעם ציוניזם און די ציוניסטישע ארגאניזאציעס ניט בלויז אין דעם פרינציפיעלען שטרייט וועגען א לאנד פאר אידען, נאר אויך לחלוטין אין אלע איבעריגע פראגען פון דער רעאלער נאציאנאלער פאליטיק אין גלות—האט זיך לעצטענס באזונדערס שארף ארויסגעוויזען אויף אוקראינע, וואוהין עס איז אריבערגעטראגען געווארען דער צענטער פונ'ם אידישען פאליטישען און געזעלשאפטליכען לעבען, וואו מיר פארמאגען צום ערשטען מאל נאציאנאלע רעכט און מעגליכקייטען פאר א זעלבסטשטענדיגער נאציאנאלער פאליטיק.

ס'איז כאראקטעריסטיש: די דריי סאציאליסטישע פארטייען צוזאמען מיט דער „פאלקספארטיי" האבען כמעט אינגאנצען אבגעשטעלט דעם קאמף צווישען זיך, ווי זיי האבען אויך אויפגעהערט צו

פירען װעלכע עס־איז־טשאַרטערישע און פּראָפּאַגאַנדיסטישע אַרבײט, בײַ װעלכער עס קענען זײַן אַרױסגעװיזען די אמת'ע פּרצופים פון זײער פּאָליטישען מהות. ס'איז געשלאָסען געװאָרען אַ מין „בורג־פריעדען", „אַ שלום־בית אין גלײַכצײַטיג אַ בלאָק אין נאָמען פון אַ מלחמה געגען „דער אָרגאַניזירטער אידישער רעאַקציע", ד. ה. געגען די דעמאָקראַטישע ציוניסטישע שיכטען.

די פיר װאַהל־קאַמפּאַניעס, װאָס זײַנען דורכגעגאַנגען אין דעם מאָמענט פון אַבסאָלוטער סאָציאַליסטישער הערשאַפט איבער גאַנץ רוסלאַנד, האָבען, אמת, באַװיזען װאָס פאַר אַ מששיה און װאָס פאַר װאָרצלען עס האָבען אין דער װירקליכקײט „װיר" און „מיר", אָבער די מפּלות בעת די װאַהלען האָבען ערשט רעכט צופלאַקערט די בײזע אײפערזוכט, די „הײליגע אומרוהיגקײט", און ענגער צוזאַמענגעבונדען אַלע פּאַרטײען דורך אַ לאָזונג: אַלע אין אײן געגען דער ציוניסטישער סכנה.

פאַרהאַפּענדיג דעם מלוכה־אַפּאַראַט און זײַנע העגר, באַזאָרגענדיג אַלע באַאַמטען־פּלעצער מיט אײגענע מענשען, אײנשטעלענדיג די שטעלען צװישען חברים, האָט דער „אַנטיציוניסטישער בלאָק" אױך אינ'ם פּראַקטישען לעבען באַװיזען צו פּאַראינטערעסירען זײַנע אַרבײטער אין דעם, אַז דער שלום־בית אין דער אחדות װעט ברענגען אַלעמען גרױסע נוצען, אַז אַן אײנגעלײך אין אַ זיכערע חליקה פון די פאַרהאַפּטע פּאָזיציעס איז דאָך תמיד אַ פיל זיכערע זאַך אײדער אַ קאַמף אין מלחמה.

ס'איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז זײַן גאַנצע ענערגיע און פּאַטאָס, אַלע זײַנע לאָזונגען שעפּט דער בלאָק ניט אַזױפיל אין פּאָזיטיװע אַלגעמײנע אױפגאַבען, נאָר דערהױפּט אין דער אַנטיציוניסטישער טענדענץ, ניט די צילען פאַראײניגען זײ, נאָר דער שנאה, ניט די בנינה, נאָר די רעאַלע אינטערעסען, װאָס זײַנען געשאַפען געװאָרען דורך דעם אידישען מיניסטעריום. דער דאָזיגער „הײליגער בונד" נענט די ציוניסטען, װעלכע װערען אײן מאָל פאַר אַלע מאָל געשטעמפּעלט אַלס רעאַקציאָנערען, שאָװיניסטען און אַזױ װײַטער. איז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דעם איצטיגען אידישען פּאָליטישען לעבען אין אוקראַינע.

ס'קען זײַן, אַז אין דער אַנטיציוניסטישער ענערגיע, װאָס שטראָמט פון די „בלאָקיסטען", שטעקט אַ היבשער חלק פון פאַרבאָרגענעם יאוש און עקשנות, מיט װעלכען עס זײַנען דורכגעװעבט אַלע די סאַמע נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטען, װאָס זעען דעם נאָענטען קראַך פון אַלע זײערע אײפּגעבױטע [illegible].

מילא, אַז דער „בונד" איז דער spiritus rector פון דער דאָזיגער הײליגער מלחמה, איז גאַנץ גוט פאַרשטענדליך. ס'איז אױך לײַכט צו באַגרײַפען, אַז די „פאַראײניגטע" זײַנען זײַנע הײסע און געטרײַע מיטאַרבײטער, װײַל די דאָזיגע פּאַרטײ האָט שױן לאַנג פאַרלױרען איר פּרינציפּיעלע צניעות און טעריטאָריאַליסטישען מהות אין דעם שטענדיגען געיעג נאָך רעאַלען פּאָליטישען קאַפּיטאַל. די „פּאָקס־פּאַרטײ" איז פונ'ם רבונו של עולם אַלײן פאַרמשפּט צו רײַבען זיך בײַ רײַכע קרובים, כדי צו באַהאַלטען חאָטש בײַם אָבשײַן פון זײער הײַנטיגער פּראָזעלאַגע די אײגענע פאַרבלאָזונגקײט.

אַ טרױעריג בילד שטעלען מיט זיך פאָר אָבער די פּועלי־ציון, װעלכע טאַנצען כסדר מיט'ן אַנטיציוניסטישען קאַראַהאָד, קנײַפּענדיג זיך דערבײַ יעדעס מאָל אין באַק, די ראַדיקאַלע פאַרב זאָל בלײַבען שטעהן. ס'איז פּשוט אַ רחמנות צו קוקען אױף די אָרימע פּועלי־ציוניסטישע פּאָליטיקער, װאָס פאַרשװענדען כוחות פאַר דער שטילער קאָנקורענץ, פאַר דעם שטענדיגען געיעג נאָך ראַדיקאַליזם. ס'שטעקט אין דעם אַזױ פיל אומאויפריכטיגע פּאָזע, אַזױ פיל פראַזע. די רוסישע פּועלי־ציון, בפרט די װעלכע האָבען זיך אױפגעכאַפּט פונ'ם יאָרען־לאַנגען שלאָף אַקוראַט דעם 1 טען מאַרט, געהען בלינדערהײט אין דעם געשפּאַן, װעלכער װערט קונציג אָנגעפירט פון די געניטע בונדיסטישע אָנטרײַבער.

זײער שטענדיגע: „פון אײן זײַט אַזױ און פון דער אַנדער זײַט אַזױ", „פּאָ סטאָלקו—פּאָ סקאָלקו", זײערע אָנפאַלען אױפ'ן בירגערליכען אָדער אַלגעמײנעם ציוניזם מיט די זעלבע זשעסטען, אױסגעדראָשענע פראַזען פונ'ם אידישען סאָציאַליסטישען קאַטעכיזעם, דאָס הכנעה'דיגע פאַרבױגען זיך פאַר דער ראַדיקאַלער פראַזע מאַכט אַ שװערען טרױעריגען אײַנדרוק.

שטיל איז אין דעם לאַגער פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטײען, שלום ושלוה הערשט דאָרט. אין די אײגענאַרטיגע פּאָזיציע פון פּועלי־ציון, זײער טעריטאָריאַליזם און פּאַלעסטיניזם װערען דערבײַ נעלם, דער רױטער סאָציאַליסטישער רױך טראָגט אים אַװעק מיט'ן װינד, און בשום אופן קען מען ניט אָנמערקען זײער אײגענע ליניע, זײער ספּעציעלען פאַרב, דעם תמצית, װאָס האָט זײ געדאַרפט אָבטײלען פונ'ם אידישען סאָציאַליסטישען ערב־רב.

און װאָס באַשטעהט דען איצט דער חילוק צװישען דער פּאָליטיק פון בונד און די פּועלי־ציון,

אָדער פון די פאַראײניגטע און פּועלי־ציון? זוכט מיט אַ ליכט, װעט איר ניט געפינען קײן שפּורען. פאַר אַ טאָפּ לינזען פון „אָנערקענונג" האָבען זײ פאַרקױפט זײער ציוניסטישע בכורה.

אײנס דערגרײכען זײ אָבער פאָרט. זײ דערװײטערען זיך דורכדעם ניט בלױז פון דער אַלװעלטליכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, מיט װעלכער זײ האָבען יעדענפאַלס געװאָלט האָבען מער געמײנזאַמעס, װי מיט „בונד", נאָר זײ דערװײטערען זיך אױך פון ארץ־ישראל, ציוניזם, גופא, פון דער ציוניסטיש־טעריטאָריאַליסטישער פּאָזיציע, בפרט, װען זײ העלפען און שטיצען כסדר דעם אַנטיציוניסטישען בלאָק, פאַרשטאַרקען זײַנע פּאָזיציעס, גראָבען אונטער אונזער אַרבײט, און מאַכען צו חל דעם געדאַנק װעגען אײנהײטליכען נאַציאָנאַלען פראָנט פאַר אַלגעמײנע אידישע אױפגאַבען און אינטערעסען; װײַל הינטער די סכסוכים און מלחמות אַרום די פראַגען פון אידישער טאָגס־פּאָליטיק אין גלות שטעקט פאָרט סוף כל סוף דער אײביגער קאַמף צװישען דעם ציוניסטישען געדאַנק, װעלכער דערנענטערט זיך גראַד איצט צו דער פאַרװירקליכונג, און דעם גלות־אָבגאָט פון אונזערע סתם־נאַציאָנאַליסטען און אידישיסטען.

די ספּעקולאַציאָנס־שפּיל פון די פּועלי־ציון איז נאַטירליך דורכזיכטיג־קלאָר: דורך אַ געמײנזאַמער אַרבײט מיט די גאַנץ כשר'ע פּאַרטײען (אינ'ם זין פון סאָציאַליסטישער רײנקײט) צו באַקומען חן בײַ די אידישע אַרבײטער און אַ הכשר אױף סאָציאַליזם; אױף אַזאַ אופן װעלען זײ הײסט עס פאַרשטאַרקען די השפּעה איבער די אידישע מאַסען, װעלכע זײַנען איצט מער נוטה צום סאָציאַליזם און אױסניצען דעם אײַנפלוס פאַר ארץ־ישראל. די דאָזיגע שפּיל איז אָבער אַביסעלע נאַאיװ און נאָך מער ריזיקאַליש. מען קען קײנמאָל ניט װיסען װאָס מען פאַרלירט און װאָס מען געװינט. און הײבט מען אָן צו בײַטען די פאַרב, קומען אָן די צײַטען װען מען בלײַבט, קען מען זיך שױן שפּעטער ניט אײַנהאַלטען בײַ פריהערדיגע פּאָזיציעס און מען הײבט זיך אָן אַראָפּצוקײַקלען גלײַך אין די אױסגעשטרעקטע אָרעמס פון „בונד". דער בעסטער בײַשפּיל איז די קורצע, אָבער טרױעריגע געשיכטע פונ'ם טעריטאָריאַליזם פון די פאַראײניגטע, װעלכע האָבען אים לחלוטין אָנגעװאָרען אױפ'ן װעג צװישען װיען און קיעװ.

די פּועלי־ציון זײַנען ניט מיט אונז, אָפטמאָל אַפילו געגען אונז. דאָס מוז מען געדענקען און באַרעכענען, װען מיר צעהלען די קרעפטען, װאָס קענען אױסגענוצט װערען פאַר דער ציוניסטישער אַרבײט.

די לאַגע איז אױף אַזאַ אופן גאַנץ קלאָר. מיר האָבען געגען זיך אַ בלאָק פון פיר פּאַרטײען, פון װעלכע דרײַ זײַנען ניט שלעכט אָרגאַניזירט און שטעלען מיט זיך פאָר אַ געװיסע קראַפט, אױב ניט אין צאָל, איז יעדענפאַלס אין ענערגיע, אַרבײטספעהיגקײט און אינטעלעקט. זײ פאַרמאָגען אַ גוטע אינטעליגענץ און פירערשאַפט, װי אױך אַ ים פון איניציאַטיװע, װעלכע איז געװענדעט הױפּטזעכליך געגען אונז. און אָט דעם דאָזיגען אַנטיציוניסטישען בלאָק מוזען מיר איצט אַנטקעגענשטעלען אַן אײנהײטליכען ציוניסטיש־דעמאָקראַטישען פראָנט, אַ קאָאַליציע פון אַלע איבעריגע כוחות אין אונזער פאָלק, װאָס זײַנען נאַציאָנאַל־געזונד, ניט סאָציאַליסטיש (אין דעם ספּעציפישען אידישען זין) און ניט בפירוש אַנטיציוניסטיש.

מיר פאַרמאָגען אַ גרױסע פּעריפעריע און נאָך גרעסער איז אונזער אײַנפלוס־ספעריע, נאָר די מאַסען, װאָס זײַנען נוטה צו אונז זײַנען ניט אָרגאַניזירט. מיר דערװעקען זײ פון זײער געזעלשאַפטליכען שלאָף בלױז ערב די װאַהלען. מוז מען זײ איצט אָרגאַניזירען און אַרײַנציהען אין דעם פּאָליטישען קאַמף, װאָס מיר פירען סײַ אױף דער אַלגעמײנער פּאָליטישער גאַס, סײַ אױך אױף דער אידישער. ס'דאַרפען געגרינדעט װערען ספּעציעלע פאַראײנען אָדער חבורות פון אידישע בעלי־מלאכות, קרעמער, קאָמי־װאָיאַזשערען, סוחרים, דאָקטױרים און אַזױ װײַטער. די דאָזיגע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס דאַרפען זיך געפינען אונטער אונזער השגחה און השפּעה,—דעמאָלט װעלען מיר זיך קענען שטיצען אױף זײ, װען מיר װעלען מוזען אַרױסטרעטען פאַר דער אָדער אַנדערער נאַציאָנאַלער אָדער ציוניסטישער אידעע.

מיר מוזען אױפהערען צו פאַרװענדען אַזױ פיל קראַפט און ענערגיע פאַר'ן קאַמף מיט די אײנצעלנע אַנטיציוניסטישע גרופּען און אױך פאַרגעסען װעגען דעם, אַז ס'איז מעגליך אַן אױסגלײַך אָדער פּשרה אױפ'ן יסוד פון געגענזײַטיגער אָנערקענונג און פּראַקטישער אַרבײט. אױך די האָפענונגען אױף די רוסישע פּועלי־ציון דאַרף מען פאַרלאָזען. מען דאַרף האָבען אין זינען דעם אַנטיציוניסטישען בלאָק אַלס אַזעלכען, אַלס גאַנצעס, אַלס אַן ערנסטע סכנה און אַנטקעגענשטעלען אים אַ בלאָק פון אַלע איבעריגע נאַציאָנאַלע עלעמענטען און דווקא אין יענע געביטען, װעלכע ער האָט אױסגעקליבען, כדי דאָרטען שטיל אָבער טיף אונטערצוגראָבען די ציוניסטישע השפּעה.—דווקא אין די געביטען פון קולטורעלער און סאָציאַלער שעפערישער טעטיגקײט דאַרפען מיר אָנהײבען שאַפען

און בויען, די קהלות מוזען ווערען דער זאמעלפונקט פון אלע בירגערליכע עלעמענטען, פון דארטען דארף זיך אנהויבען אונזער ארבייט. און ערשט דאמאלט וועלען מיר זעהען ווער איז באמת שטארקער: דער אנטיציוניסטישער צי דער אידיש-ציוניסטישער בלאק.

איינס איז פאר אונז אויך איצט קלאר: מיט א רוהיגען געמיט און אפענע אייגען קענען מיר זיך אריינווארפען אין דעם דאזיגען קאמף.

מ. גראסמאן.

אוקראיניש-פויליש.

(פאליטישע פאראדאקסען).

1.

באלד נאכ'ן בריסקער שלום איז געפאלען די בית-עילם-וואנד, וואס האט אבגעטיילט אוקראינע פון דער גאנצער לעבעדיגער וועלט, באזונדערס פון מערב-אייראפא. ביסלעכווייז דרינגען צו אונז אריין אבקלאנגען פון דעם דארטיגען פאליטישען לעבען און ס'הייבט זיך אויף פאמעליך דער פארהאנג, וואס האט אזוי געדיכט פארדעקט א סך פאליטישע געשעהענישען. פון דעם געדיכטען טוי הייבט אן ארויסצושיינען א קלאר בילד, וואס גיט אונז איינינע פירושים צו די פראגען, אויף וועלכע מיר האבען ביז אהער קיין תשובה נישט געהאט און וואס זיינען אונז אפט געווען אונפארשטענדליך. די דאזיגע אבקלאנגען זיינען נאך נישט קיין פעסטע פאקטען, פונדעסטוועגען ווארפען זיי א גאנץ נייעם שיין אויף די פאליטישע פארהעלטניסען צווישען דייטשלאנד, פוילען און אוקראינע. ס'איז קלאר, אז דער דאזיגער אבשיין באפארבט אין א באזונדער קאליר דאס פארהעלטניס פון די נייע פאליטישע קרעפטען צו אונזערע אידיש-נאציאנאלע אינטערעסען.

לכתחילה איז געווען א רעטעניש די ברייטהארציגע פריינדשאפט פון דייטשלאנד צו אוקראינע בנוגע חעלמשטשינע. ווער ס'איז געניט אין די פארבערייטונגען צו די אוקראינישע שלום-אונטערהאנדלונגען ווייסט גאנץ גוט, אז די פראגע וועגען חעלמשטשינע איז פאר די אוקראינישע פארלאמענטארישע גרופען קיין מאל נישט געווען קיין אולטימאטיווע פאדערונג. זיי זיינען אויף איר קיין מאל בעסט נישט באשטאנען, און פלוצלונג, כמעט בהיסח הדעת, איז געקומען אונערווארטעט די דאזיגע שענע מתנה. צו אוקראינע איז מיט דער ברייטער האנד „צוגעשניטען“ געווארען א גרויסער טייל פון סעדלעצער און לובלינער גובערניעס און דוקא אין דער צייט, ווען דארט איז קיין „רוסישע“ פראוואסלאווע באפעלקערונג כמעט גאר נישט געבליבען, ווייל אין דער צייט פון דער מלחמה איז די „רוסישע“ באפעלקערונג עוואקואירט געווארען אין „טיף-רוסלאנד“. און פארגעקומען איז עס דוקא אין א צייט, ווען דייטשלאנד וויל געווינען פאר זיך די סימפאטיע און די ליבשאפט פון פוילען.

די רעטעניש הייבט איצט אן צו ווערען פארענטפערט. און די תשובה איז וויכטיג נישט נאר אין דעם אלגעמיין-פאליטישען הינזיכט, נאר פאר אונז, אידען, פיל מער אלס א סימן פון א נייער ענדערונג אין אונזער פאליטיש-נאציאנאלער לאגע.

די איסלענדישע צייטונגען פון דער לעצטער צייט ברייגנען אונז ידיעות וועגען דעם, אז די פוילישע פאליטישע קרייזען, וועלכע זיינען אין אנהויב געווען שרעקליך אויפגעבראכט פאר דער חעלמער מעשה און האבען נישט אויפגעהערט שארף צו פראטעסטירען געגען דער נייער „צוטיילונג פון פוילען“—האבען זיך איצט שוין כמעט אין גאנצען ווי בארוהיגט. דער „בערלינער טאגעבלאט“ דערצעהלט, אז די פארטרעטער פון איינינע פוילישע פאליטישע קרעפטען האבען אבגעהאלטען אין בערלין א זיצונג מיט די פארטרעטער פון דער מערהייט פון דעם דייטשען פארלאמענט (צווישען זיי די דעפוטאטען ניימאן און באראן רעכענבערג) און דארט אויסגעארבייט אזא מין פשרה.

די פוילישע רעגירונג וועט מסכים זיין צו אנערקענען די מערב-גרענעצען, וועלכע האבען עקזיסטירט פאר דער מלחמה און וועט אויך אריינטרעטען אין דעם בונד פון די צענטראלע מלוכות. דערפאר אבער זיינען זיך מתחייב די פארשטעהער פון דער פארלאמענטארישער מערהייט, אז קיין שום אנעקסיעס פון די פוילישע געגענטען זאלען נישט פארקומען. און דער עיקר, אז עס זאלען ערפילט ווערען אין דעם פולסטען מאס די פוילישע פאדערונגען בנוגע צו חעלמשטשינע.

דער האנדעל איז איצט קלאר. אוקראינע און חעלמשטשינע האט די קינציגע דיפלאמאטיע אויסגענוצט פאר א ביימש, וואס זאל צווינגען די פאליאקען אוועקצווארפען זייערע ספקות און זייער נייטראליטעט און אריינטרעטען אין א ענגען בונד מיט די צענטראלע מלוכות, ד. ה. מיט דייטשלאנד.

לויט ווי עס טיילט מיט דער „דזיעניק קיאווסקי“—פון 30 מארט—ברייגנט די זעלבע ידיעה

אויך דער ארגאן פון צענטר. „גערמאניא“, און איז מוסיף (אין דעם נומער פון 14 מארט) אז אויסער די הנחות בנוגע חעלמשטשינא וועט פוילען נאך באקומען די פרייהייט צו פארברייטערען אירע גרענעצען אין מזרח-זייט, אין דער ריכטונג פון מינסק.

אין דער זעלבער צייטונג „גערמאניא“ געפינט זיך א פראגראם-ארטיקעל פון דעם פוילישען פאליטיקער פירשט מאטשיי ראדזיוויל, אין וועלכען ער פאדערט, אז די פוילישע רעגירונג זאל זיך ארויסזאגען שארף און קלאר פאר דער פאראייניגונג מיט די צענטראלע מלוכות, ווייל דערפון איז געווענט די פארברייטערונג פון פוילען אויף דער זייט פון מינסק און סמאלענסק.

מיר האבען שוין דא אויף אזא אופן נישט נאר די „פארענטפערונג“ פון די פוילישע פאדערונגען בנוגע צו חעלמשטשינא, נאר אויך די פארברייטערונג צו מינסק און—סמאלענסק, אבי נאר צו דעם בונד פון די צענטראלע רעגירונגען זאל צושטעהען דאס „נייטראלע“ פוילען.

אין דער לעצטער צייט איז ארויסגעשווימען א נייער פאליטישער פראיעקט. דער „דזיעניק קיאווסקי“ ברייגנט אים אלס א געשפרעך פון דעם מיטארבייטער פון „אדעסקי ליסטאק“ מיט די אוקראינישע (?) פאליטיקער. דאס איז א פראיעקט פון א קאנפעדעראציע צווישען טערקיי, אוקראינא און פוילען, כדי צו פארבינדען דעם שווארצען ים מיט'ן באלטישען און האבען אן איינגאנג צום אינדישען אקעאן. צי איז דאס [illegible] אן ערנסטער פראיעקט, אדער דערוויל נאר א שמועס פון הונטער'ן אייווען,—קלאר איז אבער איינס, אז פאר פוילען וואלט אזא פראיעקט געווען זעהר ווינשענסווערט.

2.

אלע אונטערהאנדלונגען פון פארשידענע פוילישע גרופען מיט די פארטרעטער פון דייטשלאנד, אלע פאליטישע פראיעקטען, וואס האבען א שייכות צו די פויליש-אוקראינישע גרענעצען, זיינען געוויס נישט קיין איינצעלנע, צופעליגע אונטערנעמונגען, דאס זיינען אלץ קינציג און קלוג אויסגעשמידטע רינגען פון איין איינציגער קייט—דער אלגעמיינער פוילישער פאליטיק. נאר פעסטצושטעלען די דאזיגע פאליטיק און זיך אבלערנען דעם מוכר-השכל פון איר איז אנויטיג פאר אונזערע פאליטיש-נאציאנאלע באדערפענישען דאס איז נויטיג דוקא איצט, ווען די פראיעקטען ווערען ערשט געשאפען, דערנאך קען שוין זיין צו שפעט...

די גאנצע געשיכטע פון פוילען, זייט דעם 1772 יאר, איז א שטענדיגע מלחמה פאר דער אויפבויאונג פון דער פוילישער מלוכה. דער אנטייל פון פוילען אין נאפאלעאנס מלחמות ביז דעם 1815 יאר, די מרידות פון 1830, 1863 און טיילווייזע 1905—דאס זיינען אלץ קאפיטלען פון איין געשיכטע וועגען דעם קאמף פון פוילען פאר איר מלוכה'שער אונאבהענגיגקייט.

אין אלס פונדאמענט צו דער דאזיגער מלחמה האט שטענדיג געדינט די באוואוסטע יאגעלאנישע אידעע, דאס הייסט, דאס אויפבויען פון'ם לאנד „פון ים צום ים“—פון באלטישען ביז צום שווארצען, און אין אלע צייטען [illegible] בלייבט נאך די דאזיגע אידעע די איינציגע, וועלכע באהערשט אין פוילען אלע פאליטישע מידות און ברענגט [illegible] התלהבות די גרייטע פאלקס-מאסען, אפילו די סאציאל-דעמאקראטישע, אזוי, למשל, האט געפאדערט די רעוואלוציאנערע שלאכטא-פארטיי אונטער דער אנפירונג פון דעם גראף אנדריי זאמאיסקי אין די צייטען פון אלעקסאנדער דעם צווייטען, אז ליטא, וואהלין און פאדאליע זאלען ווערען אבגעטיילט פון רוסלאנד און באהעפט צו דעם קעניגרייך פוילען. אין דעם יאר 1870 האט א'אנדער פוילישער מאגנאט פירשט געארג טשארטאריסקי געפאדערט די פארווירקליכונג פון דער יאגעלאנישער אידעע. דער פוילישער קאנגרעס פון אויגוסט 1871 האט זיך געשטיצט אויף דער לובלינער אוניע (1569), ערקלערט די יאגעלאנישע אידעע פאר דעם נאציאנאלען פראגראם פון פוילען און דעריבער געפאדערט די פאראייניגונג פון פוילען, ליטא און אוקראינע. אפילו די שפעטערדיגע נאציאנאל-דעמאקראטען, וואס האבען געפירט א ליבע מיט דער צארישער רוסישער רעגירונג, זיינען אויך געשטאנען אויף דעם יסוד פון דער יאגעלאנישער אידעע און ווי באוואוסט איז דאך איצט כמעט גאנץ פוילען נאציאנאל-דעמאקראטיש.

באזונדערס קלאר און בולט האט זיך דאס ארויסגעוויזען אין דער צייט פון דער מלחמה. די העכסטע פוילישע פאליטישע אינסטאנץ—די פוילישע „קאלא סיימאווע“ (אין וועלכער עס געהערען אריין אלע פוילישע דעפוטאטען פון רייכסראט און גאליצישען לאנדטאג), האט דעם 28 מאי 1917 אנגענומען אין קראקוי א רעזאלוציע, אז די פאליאקען פארלאנגען ווידער צו קריגען פוילען אין דעם צושטאנד, אין וועלכען דאס לאנד האט זיך געפינען פאר דעם יאר 1772. די יאגעלאנישע אידעע ווערט אויף אזא אופן די אידעע פון דער גאנצער פוילישער נאציאן.

עס איז העכסט אינטערעסאַנט אין דעם הינזיכט צו באַמערקען, ווי אַפילו די וויסענשאַפט הויבט אָן פאַרטיפען און באַגרינדען דעם דאָזיגען יאַגעלאָנישען פּרינציפּ. אין אַ גלענצענדען אַרטיקעל ספּעציעל וועגען דער פּוילען־פראַגע אין אייראָפּע דערצעהלט ד"ר מאַקס ראָזענפעלד (חודש־זשורנאַל „דער יודע" יאַנואַר־פעברואַר 1918) וועגען די פּאָליטיש־געאָגראַפישע אויספאָרשונגען פון דעם פּוילישען געלערנטען — פּראָפעסאָר אייגען ראָמער. דער פּראָפעסאָר רעכענט אויס די געגענטען, אויף וועלכע עס דאַרף זיך לויט זיין מיינונג פאַרברייטערן דער איינפלוס פון די פּוילישע אינטערעסען. לויט זיין פּאָליטישער קאַרטע פון פּוילען געהט ליטאָ און ווייסרוסלאַנד אַריין אין דער ערשטער ליניע פון דעם פּוילישען איינפלוס. די דאָזיגע ליניע ציהט זיך אין צפון זייט פון דווינסק (דינאַבורג) ביז וויטעבסק און אין דרום ביז צו די זומפּען פון פּריפּעט. פּאָלעסיע און וואָהלין דאַרפען אויך באַהעפט ווערען צו פּוילען, צוליב דעם טעם, וואָס די דאָזיגע געגענטען געפינען זיך אין אַ נידריגער קולטורעלער און עקאָנאָמישער מדרגה, און דאַריבער וועט גרינג זיין אַהין אַריינצודרינגען. די געגענטען אין מזרח זייט פון ליצק, דאָס הייסט סטאַראָקאָנסטאַנטינאָוו, יאַמפּאָל און ווייטער געהען אַריין אין דער ערשטער ליניע פון דער פּוילישער אינטערעסען־ספערע; לויט דער מיינונג פון פּראָפעסאָר ראָמער דאַרפען די גרענעצען פון פּוילען אין מזרח־זייט אַרומנעמען אַ סך ווייטערען שטח, ווי אַפילו די איצטיגע מלחמה־ליניע פון דווינסק איבער מאָהילעוו, די ברעגען פון בערעזינע, די פּריפּעט־זומפּען און די וועלדער פון פּאָלעסיע איבער זשיטאָמיר און בערדיטשעוו ביז צו דעם מיטלען און אונטערשטען טייל פון דניעסטער — אַזוי זאָל זיך ציהען די פּוילישע גרענעץ. און נאָך איינעהט ווייטער אַלין נאָך די „צווייטע ליניע פון דעם פּוילישען איינפלוס".

ווי מיר זעהען, זיינען די פּוילישע אַפּעטיטען גרויס און האַלטען אין איין וואַקסען. און אויב מיר וועלען נאָך צורעכנען די אָבקלאַנגען פון די פּאָליטישע פּלענער וועגען אַ כלומרשט־באַהעפטונג מיט אוקראַינע, וועט פאַר אונז זיין קלאָר, אַז די איצטיגע קאַרטע פון די לענדער פון דעם אַמאָליגען רוסלאַנד קען זיך זעהר שטאַרק ענדערן. עס וועט מוזען קומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישען דעם אַלטען, דורכגעטריבענעם, דיפּלאָמאַטיש געלערנטען און פּאָליטיש־ערצויגענעם פּוילען מיט זיין איינפלוסרייכער מאַגנאַטען־קאַסטע, זיין אַלטער קולטור און נאָך פריי־יונגען מלוכה'שען לעבען און צווישען דער יונגער נאָך נישט געניטער אוקראַינישער פאָלקס־רעפּובליק, אָהן אַ העכערען קלאַס און אָהן אַ מיטעלשטאַנד, וואָס שטיצט זיך נאָר אויף אַ פּויערען־פאָלק, און אָהן אַ שטאַרקען מלוכה'שען אַפּאַראַט.

אויף וועמענס זייט עס וועט זיין דער נצחון אין דעם דאָזיגען נישט־גלייכען קריג — דאָס איז נישט שווער פאָראויסצוזעהען. דערצו קומט נאָך צו די שטיצע פון די צענטראַלע מלוכה, וועלכע — ווי ס'ווייזט אויס — וועלען מער נוטה זיין צו דעם אימפּעריאַליסטיש־אַריסטאָקראַטישען פּוילען ווי צו דער פּויעריש־דעמאָקראַטישער אַנטימיליטאַריסטישער אוקראַינע.

(צווייטער אַרטיקעל קומט).

מ. נ. סירקין.

די אידישע באַפעלקערונג אין אוקראַינע.

אין איצטיגען מאָמענט, ווען דאָס אוקראַינישע אידענטום געהט אַריין אין אַ נייער תקופה פון זיין לעבען, אַלס אַ באַזונדערער נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו, ווען פאַר אים שטעהען נייע היסטאָרישע אויפגאַבען, — איז באַזונדערס וויכטיג פעסטצושטעלען די צאָל פון דער אידישער באַפעלקרונג אויפ'ן שטח פון דער אוקראַינישער רעפּובליק. אויף יעדען געביט פון געזעלשאַפטליכען לעבען מוזען מיר זיך שטיצען אויף שטרענגע סטאַטיסטישע ציפערן, וועלכע באַווייזען אונז דעם מענשליכען מאַטעריאַל, מיט וועלכען און פאַר וועלכען מיר אָפּערירען.

ליידער אָבער מוזען מיר באַמערקען, אַז די אידישע סטאַטיסטיק, מיט קליינע אויסנאַמען, פאַרמאָגט נים קיין זעלבשטענדיגע אויספאָרשונגען. כמעט אַלע אונזערע סטאַטיסטישע באַאַרבייטונגען שטיצען זיך אויף די רעזולטאַטען פון דער אַלרוסלענדישער פאָלקצעהלונג פון 1897. ס'איז גאַנץ פאַרשטענדליך, אַז אין משך פון 20 יאָר זיינען געהען פאַרשידענע ענדערונגען אין צאָל, ווי אויך אין דעם וואוין־אָרט פון דער באַפעלקערונג. נאָר אַזוי ווי אַנדערע געוויסע ציפערן האָבען מיר לעת עתה נים, מוזען מיר באַנוצען זיך מיט דער אַלטער אָבער געטרייער און זיכערער קוועלע.

די אַלגעמיינע צאָל פון דער אידישער באַפעלקערונג אין אוקראַינע, לויט איינצעלנע גובערניעס, איז פאָלגענדע:

גובערניעס.	די גאַנצע באַעלקערונג.	פון זיי אידען.	אין פּר. צו דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג
קיעווער	3.559·229	434·055	12 פּר.
פּאָדאָלער	3·018.299	370·636	12 פּר.
וואָלינער	2·989·482	395·948	13 פּר.
פּאָלטאַווער	2·778·151	111·151	4 פּר.
חערסאָנער	2·733·612	341·918	13 פּר.
חאַרקאָווער	2·492·316	13.664	1 פּר.
טשערניגאָווער	2·297·854	114·477	5 פּר.
יעקאַטערינאָסל.	2.113·674	101·447	5 פּר.
טאַווריש	952·591	33·388	4 פּר.
צוזאַמען.	22·935·208	1·916·684	8 פּר.

צו אָט די ציפערן דאַרף מען נאָך צוגעבען די צאָל פון אידען אין דעם טייל פון חעלמער גובערניע, וועלכער אויפ'ן סמך פון ברעסקער אָבמאַך, געהט איבער צו אוקראַינע. די צאָל אָבער קען מען נישט פעסטשטעלען, ווייל ס'פעהלען די נויטיגע ציפערן, נאָר, נעמענדיג אין באַטראַכט, אַז אין יאָר 1913 זיינען געווען אין אַלע אויעזדען פון חעלמער גובערניע 112,554 אידען, קענען מיר אָננעמען די צאָל אַנ'ערך ביז 75.000.

פון דער טאַבעלע, וואָס מיר האָבען אויבען געבראַכט, זעהען מיר, אַז דעם קלענסטען פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג בילדען די אידען אין חאַרקאָווער גובערניע, וועלכע איז געווען אויסער דעם תחום. פון די אַנדערע גובערניעס מוז מען אונטערשטרייכען 4 פאָלגענדע גובערניעס: קיעווער, פּאָדאָלער, וואָלינער און חערסאָנער, וואו דער פּראָצענט אידען דערגרייכט ביז 12 און 13, בעת אין אַנדערע 4 גובערניעס באַטרעפט דער אייגענער פּראָצענט נישט מער פון 5. די סבה פון דער דיפערענץ ליגט אין די עקאָנאָמישע באַדינגונגען. די ערשטע 4 גובערניעס האָבען אַנטוויקעלטע אינדוסטריע און מסחר, ד. ה. די צוויי צווייגען אין וועלכע די אידישע באַפעלקערונג איז אַם מערסטען באַשעפטיגט. די סטאַטיסטישע ציפערן באַווייזען אונז, אַז אידען בילדען כמעט אויסשליסליך אַ שטאָטישע באַפעלקערונג, וואָס שטעהט נאַטירליך אין צוזאַמענהאַנג מיט זייער באַשעפטיגונג.

גובערניעס.	די אַלגעמיינע צאָל איינוואוינער אין די שטעט.	פון זיי אידען.	אין פּר. צו דער אַלגעמיינער באַעלקערונג.
קיעווער	459·253	145·206	31 פּר.
פּאָדאָלער	221·870	102·899	41 פּר.
וואָלינער	233·847	119·274	51 פּר.
פּאָלטאַווער	274·294	18·198	29 פּר.
חערסאָנער	78[illegible]·900	242·933	31 פּר.
חאַרקאָווער	367·343	13·017	4 פּר.
טשערניגאָווער	209·453	54.796	26 פּר.
יעקאַטערינאָסל.	241·005	64·326	27 פּר.
צוזאַמען	2·796·025	823·649	29 פּר.

ביים באַטראַכטען די אַבסאָלוטע ציפערן מוזען מיר שטענדיג געדענקען, אַז זיי באַווייזען די צאָל פון די שטאָט־איינוואוינער מיט 20 יאָר צוריק, און אַז דער וואוקס פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג אין די לעצטע 20 יאָר איז געווען זעהר גרויס. צום ביישפּיל, קיעוו האָט געצעהלט אין יאָר 1897 נישט מער ווי 247.723 איינוואוינער, פון זיי 32,093 אידען, און לויט דער לעצטער פאָלקס־צעהלונג רעכענט קיעוו שוין אַנ'ערך 600.000, פון וועלכע אידען ביז 90.000. מיר קענען אָבער קאָנסטאַטירען, אַז דער פּראָצענט פון אידען אין די שטעט איז נישט קלענער געוואָרען, און אין אייניגע גרויסע שטעט אַפילו זיך פאַרגרעסערט, ווי אין קיעוו, וואו דער פּראָצענט איז געשטיגען פון 13 אין יאָר 1897 ביז 18 אין יאָר 1917.

פאַרגלייכענדיג די רעזולטאַטען פון ביידע טאַבעלען, זעהען מיר, אַז אין דער צייט, ווען די אַלגעמיינע צאָל פון דער אידישער באַפעלקערונג אין אוקראַינע באַטרעפט אינגאַנצען 8 פּראָצ., דערגרייכט דערזעלבער פּראָצענט אין די שטעט ביז 29. באַזונדערס הויך איז דער פּראָצענט פון אידען אין די שטעט פון פּאָדאָלער און וואָלינער גובערניעס.

אייניגע סטאַטיסטיקער האָבען געפּרובט, באַנוצענדיג זיך מיט פאַרשידענע מאַטעמאַטישע מעטאָדען, אויסרעכענען די עכט'ריגע צאָל פון אידען צום יאָר 1917. אייניגע ציפערן געפינען מיר אין דער בראָשיר פון דער פ. קלינמשין „די אידישע באַפעלקערונג אין רוסלאַנד", אַרויסגעגעבען פון דער אידישער סטאַטיסטישער געזעלשאַפט אין פּעטראָגראַד. לויט ה' קלינמשינ'ס אויסרעכענונגען איז די צאָל פון אידען אין אוקראַינע צום 1917 פאָלגענדע:

גובערניעס.	די צאָל אידען אין טויזענטער
קיעווער	525
פּאָדאָלער	450
וואָלינער	409
פּאָלטאַווער	148
חערסאָנער	390
טשערניגאָווער	130
יעקאַטערינאָסלאַווער	144
טאַווריש *)	46
צוזאַמען	2·242

---

*) אין דער אידישער באַפעלקערונג פונ'ם קרימער האַלב־אינזל.

צוגעבענדיג דערצו די צאָל אידען אין חאַרקאָווער און העלמער גובערניעס, פאַר וועלכע ס'פעהלען אונז די גענויע ציפערן, קאָן מען זאָגען אז אין אוקראַינע לעבט ביז דריטהאַלבען מיליאָן אידען. לויט דער צאָל אידען פאַרנעמט אַלזאָ אוקראַינע דאָס ערשטע אָרט צווישען די אייראָפּעאישע מלוכות (נאָך אוקראַינע געהען: עסטרייך=אונגאַרן מיט 2.084.000 אידען און פּוילען מיט 1,941,000 אידען). אָט די ציפערן באַווייזען, אַז דאָס אוקראַינישע אידענטום דאַרף פאַרנעמען אַ ככבוד'יגען אָרט סיי אין עקאָנאָמישען, סיי אין קולטורעלען און פּאָליטישען לעבען פונ'ם לאַנד.

י. שאלמאַן.

שטעהען און געהען.

איך האָב אַמאָל געלייענט אין אַ מעדיצינישען בוך אַן אינטערעסאַנטע, כמעט פּאַראַדאָקסאַלע באַמערקונג: אונזערע פיס זיינען ניט באַשאַפען געוואָרען צו שטעהען, נאָר צו געהען. שטעהען איז אונמעגליך. שטעהען מאַכט מיד, מאַכט קראַנק, — געהען מאַכט געזונט, געהען איז דער דרך הטבע.

דער געדאַנק האָט מיך איבערראַשט. איך ווייס ניט צי איז ער פיזיאָלאָגיש ריכטיג, אָדער ער איז בלויז אַ פּאַראַדאָקס. אָבער סאָציאָלאָגיש איז ער בלי ספק איינער פון די פונדאַמענטאַלע אמת'ן. יעדער אָרגאַניזם איז סאָציאַל. יעדער אָרגאַניזם איז צוזאַמענגעזעצט, איז אַ קייט פון כחות, פון קלענערע טיילען, איינער צונויפגעבונדען מיט דעם צווייטען, איינער מיט דעם אַנדערען צונויפגעוואַקסען, פאַרבינדען — און אַלע בילדען זיי אַ חברה מיט איין ריכטונג און מיט איין ווילען. און דער יסוד פון ווילען איז געהען, באַוועגען זיך; שטעהען בלייבען איז נאָר אויף אָברוהען זיך און נאָר אויף אַ ווייל'ע. אַז עס דויערט צו לאַנג, אַז ס'קומט דאָס גרויסע שטעהען — דאַמאָלסט איז דאָס אויך דאָס לעצטע.

נאָר וואָס איז געהען? איז איטליך געהען נוצליך? דאָס געהען אָהן אַ ציל, אָהן אַ ריכטונג? דאָס געהען אָהן אַ האָפנונג ערגיץ וואו צו קומען? נעחוס, מיר קענען קיינמאָל ניט דערגרעהען צום סוף, ווייל ס'איז גאָר קיין סוף ניטאָ. און מ'קאָן אויך ניט געהען אין דערזעלבער ריכטונג אויף דעם ברייטען גלייכען וועג. דאָס לעבען איז ניט קיין ליניע, ס'איז אויך ניט קיין קרייז. מען קערט זיך צו נאָרגיט און קיינמאָל ניט צוריק. ס'האָט נישט קיין באַשטימטע פאָרמען. ס'איז אַ סערפּענטינע, וואָס דרעהט זיך ווי אַ שלאַנג, קאַפּריציעז, אונרעגעלמעסיג, ווערט מיט אַמאָל ווי פאַרלוירען, פאַרבאָרגען, ווערט ענג, שמאָל. עס ווייזט זיך אויס, אַז אַלצדינג איז פאַרלוירען, אַז דער אָבגרונד, דער תהום צידט אונז און ס'איז ניטאָ קיין אויסוועג — און פלוצלינג עפענט זיך דער וועג אויפסניי און דער ברייטער הימעל, און אַ ווייטער, ווייטער אויסבליק.

אַזוי איז דאָס לעבען און אַזוי איז זיין וועג.

פון דעם מענשען, פון די מענשען, פון אַ פאָלק.

די וועלט נאַרט זיך אין אונז, אידען. זי מיינט אַז מיר זיינען די „אייביגע וואַנדערער", זי האָט זיך אויסגעמאָלט דעם אידען אינ'ם פּרצוף פון אַ „אַהאַספער", וואָס געהט און געהט איבער וועלטען, מעסט אויס ימים און געפינט ניט קיין מקום מנוחה. די וועלט נאַרט זיך. מיר אַליין אויך. הייסט דען געהען נאָר דאָס איבערבייטען פון פּלעצער? הייַנט דאָ און מאָרגען דאָרט? דאָס איז די אילוזיע פון געהען. אין אמת'ן שטעהען מיר אויף איין אָרט. שוין לאַנג, שוין לאַנג, שוין עטליכע דורות. און בפרט אין די לעצטע הונדערט יאָר. מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט. כאָטש הונדערטער טויזענטער יאָרען האָבען איבערגעשוואומען דעם גרויסען טייך. האָבען זיך געמאַכט אַ נייַ היים, געשאַפען בלומרשט אַ נייַ לעבען. כאָטש אַזוי פיל שינויים אומעטום, אַ פאַלשטענדיג ברעכען מיט דעם אַלטען איינגעוואָרצעלטען, — כאָטש אַזוי — פאָרט אַזוי: „אולם אני חומה". מיר זיינען אַ פאָלק פון וואַנט, האָבען זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ וואַנט און קאָנען ניט ווייטער געהען.

אָבער וואָסער אַ וואַנט? אַמאָל איז דאָס געווען די „כותל בית המדרש". דערנאָך דער אַלטער „כותל מערבי". שטאַרקע, גרויסע ווענט — אָבער פאָרט ווענט. ווענט פון אַלע זייטען. און אפילו אַז מיר באַוועגען זיך, געהען זיי מיט אונז. און מיר בלייבען תמיד צווישען זיי אויף דעם אייגענעם אָרט.

און דאָס איז טאַקי דאָס טראַגישע אין אונזער לעבען, אַז מיר מוזען אָדער שטעהען בלייבען אָדער געהען פון אָרט צו אָרט און אויסגעבען די ענערגיע, דעם לעבענס-כח אויף פיזישעם געהען, אויף „שינוי=מקום". מיר זיינען געבליבען טריי אונזער געשיכטע. דער עבר הורט זיך איבער. די לעגענדע פונ'ם ערשטען אידען, פון אברהם „העברי" הויבט זיך אָן מיט: „געה פון דיין לאַנד" — און די לעגענדע פונ'ם אידישען פאָלק הויבט זיך אָן מיט „געה צוריק אין דיין לאַנד", מיט „יציאת מצרים".

און דערנאָך נאָכאַמאָל דאָס אייגענע בילד. גלות און קיבוץ גליות; גלות בבל און זרובבל און נחמיה; דער צווייטער גלות, דאָס שטענדיגע וואַנדערן און...

און וואָס ווייטער? אַ צווייטער קיבוץ גליות?

אונזער געהען איז ניט קיין וואַקסען, חלילה ס'איז אַ בלאָנדזשען ניט אויס אַ שטאַרקען לעבענסדראַנג, נאָר אויס נויט. ניט פריי, נאָר געצוואונגען. אַ געהן אָהן אַ ציל. ביי די אַלטע רוימער איז געווען אַ מנהג, אַז אַלע יאָר, ווען דער פריהלינג פלעגט קומען, האָבען זיך צונויפגעקליבען אַלע מענער, יונג און אַלט, מ'האָט געבראַכט אַ ווייסען קרבן צום גאָט פון פריהלינג, מ'האָט באַשאָטען מיט רויזען, ווייסע און רויטע, דעם מזבח. אַלע מענער און פרויען מיט בלומענקרענץ אויף די קעפּ און — הונדערט יונגעלייט, די שענסטע, די בעסטע, די שטאַרקסטע זיינען אויסגעקליבען געוואָרען, וואָס האָבען געדאַרפט פאַרלאָזען זייער היים, זייערע משפחות און געהען אין דער ווייטער וועלט זוכען אַ נייע היים, טראָגען רוימס גרויסקייט און האָפענונגען אויף די ברייטע וועגען פון דער ערד. און דאָס האָבען זיי אָנגערופען „יוער סאַקרום" — דער הייליגער פריהלינג. אָט דאָס הייסט געהן אויס פרייען רצון, מיט שמחה אין האַרצען, מיט בלומען אויפ'ן קאָפּ און מיט ווייסע יום-טוב-קליידער. געוויס, ס'איז אַ לעגענדע, אָבער אַ לעגענדע פון רוים.

אונזער געהן האָט זיך אָנגעהויבען פון פאַרקויפט ווערען אין קנעכטשאַפט, פון הונגער-נויט, און דאָס צוריקקומען — ווידער פון נויט, איבער שווערע אַרבייט און גרויסען פּיין.

תמיד אַזוי, קיין באַוועגונג אין אונזער פאָלק האָט זיך ניט אָנגעהויבען ספּאָנטאַן, פון זיך אַליין, אָהן אַן אויסערער סבה. איך גלויב דערפאַר ניט אין דער פראַזע פון דעם „היסטאָרישען ווילען" פון אונזער פאָלק. דאָס איז איבערהויפּט אַ פראַזע, אַן אַבסטראַקציע פון דעם, וואָס איז שוין געווען, אַ מוסר-השכל נאָך דעם משל. אָבער ביי אַנדערע פעלקער זעהען מיר אויב ניט דעם ווילען, איז כאָטש דאָס געוואָלטע, אָדער לכל הפחות דאָס דערגרייכטע.

ביי אונז זעהען מיר נאָר דאָס — ניט דערגרייכטע. דאָרט, וואו אויסערע סבות האָבען אונז ניט געשטופּט, זיינען מיר געבליבען פּאַסיוו, רוהיג. האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט. מיר זיינען אַ פאָלק פון רעצעפּטיוויטעט, פון באַאיינפלוסט ווערען, מקבל זיין די השפעה פון אַנדערע. דער אייגענער ווילען דרעמעלט.

וואָס איז ווילען? שפּינאָזאַ האָט אים דעפינירט: עס איז אַ איבער-ערשיינונג (עפּיפענאָמען). דאָס הייסט — קיין פרייער ווילע, וואָס שאַפט פון זיך אַליין, איז בכלל ניטאָ. אַלצדינג איז צונויפגעבונדען אין אַ קייט פון סבות, און סבות פון סבות ביז צום לעצטען. אַלצדינג איז אַן ערשיינונג. אָבער אויך די ערשיינונגען האָבען גראַדען. הונגעריג זיין, אין כעס זיין איז אַן ערשיינונג, דאָס הייסט, אַן אויסדריק, אַ רעזולטאַט פון באַשטימטע סבות. אָבער דאָס הונגעריג זיין, דאָס אין כעס ווערען, דאָס ליב האָבען א. א. וו. יעדע ערשיינונג באַזונדער ווערט פאַרשמעלצט אין אַ רייכערער ערשיינונג, אין אַ מין „בית בהכולל", וואָס — ווייזט שוין אויס כמעט ווי אַ סבה, און איז פאָרט נאָר אַ פאָלגע.

אין לויט דעם אופן און דער אייגענאַרט פון די אונטערשטע ערשיינונגען קאָן מען מאַכען זיך אַ בילד, כאַראַקטעריזירען דאָס „עפּיפענאָמען", דעם ווילען סיי פון אַן אינדיווידו סיי פון אַ קאָלעקטיוו. און דערפאַר איז אַזוי שווער פעסטצושטעלען די העכסטע און די לעצטע ליניע פון אונזער לעבען, אונזער „היסטאָרישע אידעע", אונזער היסטאָרישע באַשטימונג, דעם ציל, דעם סוף פון אונזער וועג — ווייל מיר זעהען ניט קלאָר די נעבענוועגען, די סבות פון די שנויים, די איבערבייטענישען אין אונזער לעבען. אין צוויי דורות האָט זיך כמעט אַלצדינג — פונ'ם קרוין ביז צום וואָרצעל — ביי אונז איבערגעביטען, אַ נייער איד איז געבוירען געוואָרען. אָבער איז די נייע נאַטור נייטווענדיג אויסגעוואַקסען פון דעם אַלטען, האָט זי דעם אידען טיף עוואָלוציאָנירט — אָדער איז דער בוים צובראָכען און דאָס, וואָס מיר זעהען, זיינען נאָר צווייגעלאַך כמעט=בוימלאַך — ניט מער?..

פראַגען אויף פראַגען. און ס'איז כמעט אונמעגליך זיי צו פאַרענטפערן. אָבער אַז איך טראַכט מיך טיפער אריין, דאַכט זיך מיר, אַז אין דער פאַסונג פון דער פּראָבלעם ליגט שוין אַן ענטפער. מיר מוזען צוקומען דערצו, אַז אונזער לעבען איז אַ מיף — ווי מיר זאָלען עס ניט אויפפאַסען, אַלס אַ שטעהען אָדער אַלס אַ געהען. אַ מיף הייסט ניט קיין לעגענדע, קיין באָבע-מעשה, קיין אויסגעטראַכטע פאַנטאַזיע. אַ מיף איז אַ שעפערישעס מיטעל. עס איז דער וועג צוצוגעהן צום וועלטבילד.

צי דער מיף אַליין איז ריכטיג, צי פאַלש — דאָס איז גאָר קיין נפקא מינא ניט. ער קאָן גאָר ניט זיין פאַלש. ווייל דאָס לעצטע איז קיין מאָל ניט קיין געגענשטאַנד פון אָבשאַצען און פאַרשטעהען — און דאָס איז בערך אמת און פאַלש נאָר פון ווילען און פאַרלאַנגען — ס'איז ניט אינטעלעקטועל. ס'איז אַ ווילענס=מאָטיוו און דערפאַר שעפעריש.

מיט אַ מיף האָט זיך די אידישע געשיכטע אָנגעהויבען — מיט דעם מיף פון געהן און קומען צו

א ציל. ביי אנדערע פעלקער האט זי זיך אנגעהויבען מיט דעם סוף פונ׳ם זיין ביים ציל. אונזער סוף איז תמיד געווען דאס חרבן, דאס שטערבען, אונטערגעהן און דאך בלייבען.

צי דאס איז אמת, צי ניין — וואס איז אונזער חלוק. מיר ווילען אזוי! און אז מיר ווילען — איז דאך די פראגע — צי קאנען מיר נאך ווילען?...

ד״ר א. קאראלניק.

א נייער ריס.

אין דער זעלבער צייט, ווען די אידען פון מערב־אייראפא און אמעריקא האבען אנטוויקעלט אזא ענערגישע טעטיגקייט לטובת די רומענישע אידען, אנגענומען אלע מיטלען, כדי צו פארזיכערען די בירגערליכע רעכט פון קעניג פערדינאנדס אלטע אונטערטאנען, איז אנגעקומען די טראגישע ידיעה, אז נאך 500000 אידען זיינען אריבערגעגאנגען אונטער דעם רשות פון דער רומענישער רעגירונג.

איבער דער גאנצער דעמאקראטישער וועלט איז די אנעקסיע פון בעסאראביען א פארברעכען געגען דעם פרינציפ פון זעלבסטבאשטימונג, איז פאר אונז, אידען, דער דאזיגער גוואלד־טאט פון דער מאכט א שווערער אומגליק, א גזירה פאר א האלבען מיליאן נפשות, וועלכע ווערען איבערגעגעבען אין די הענד פון מערדער און רויבער.

א שרעק־בילד שטעהען פאר אונזערע אויגען די שוידערליכע געשיכטען פונ׳ם רומענישען גהינם, וואו די רדיפות און רציחות האבען אנגענומען אזא אכזריות׳דיגען כאראקטער.

עס איז איבעריג פאר אידישע לעזער איבערצידערצעהלען, וואס די אידען האבען איבערגעטראגען אין רומעניע, עס איז איבעריג צו רעגיסטרירען אלע שקרים, בלבולים און רציחות, מיט וועלכע די אידען זיינען געווען ארומגערינגעלט, ווי מיט א קייט. מיר ווייסען און געדיינקען, אז אין דעם דאזיגען פארשאלטענעם לאנד האט פאר אונז קיינמאל ניט געשיינט קיין שטראל פון האפנונג. די שטענדיגע הבטחות און יעזואיטישע שפיצלאך פון די רומענישע רעגירונגס־לייט, די דאזיגע באלקאנישע שווינדעלי, זיינען אונז גוט באקאנט. ניט אומזיסט פאדערען די אידען פון מערב־אייראפא, אז מען זאל שאפען א אינטערנאציאנאל׳ע קאמיסיע, וועלכע זאל קאנטראלירען, ווי רומעניען פירט דורך דעם פונקט פונ׳ם שלום־אפמאך, וואס פארזיכערט די רעכט פון אידען.

און איצט זיינען אט די זעלבע חיות אין בעסאראביע, וואו די אידען באטרעפען ע״ף פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג. איצט הרג׳ענען זיי שוין דארטען, רודפ׳ען און שמייסען די בעסעראבער אידען און לאזען אפילו ניט וויינען. בעסאראביע איז דורך אנ׳אייזערנער וואנד אבגעטיילט פון רוסלאנד און איקראינע. די נייע בעלי־בתים נעמען אן אלע מיטלען, כדי צו פארבארגען זייערע מעשים, וועלכע טראגען אונז אריבער אין די צייטען פון מיטעל־אלטער. זיי, די באפרייער פון בעסאראביע האבען אפילו ניט באוויזען די ערשטע טעג פון זייער הערשען ניט צו באשמוצען מיט בלוט און אכזריות.

מיט איין האנד זאגען זיי צו גלייכע רעכט און מיט דער אנדערער פייניגען זיי; און איין שטאט שרייבען זיי אונטער די שלום־פראטאקאלען מיט שיינע הבטחות, און מיט דער אנדערער רודפ׳ן זיי די נייע אונטערטאנען, וואס זיי האבען זיך אויסגעשאכערט אויף דעם אינטערנאציאנאלען מארק.

אין די גרויסע וועלט בלייבט „גייטראל“: אין גראף קולעמאן מיט משטרניג׳ען, די דיפלאמאטען פון די צענטראלע מלוכות, וועלכע האבען איצט גאראנטירט אונזערע רעכט אין רומעניען, זיינען שטילערהייט מסכים דערמיט, אז א האלב מיליאן אידען זאל אריינפאלען אין די הענד פון דער רומענישער מאכט.

ליידער זיינען מיר מאכטלאז: אויסער אונזערע פראטעסטען אין דער ראדע און אין דער פרעסע בלייבט אונז איבעריג בלויז צו וועקען די געפילען פון יושר ביי די פעלקער פון דער וועלט, מאנען און פאדערען, אז די אנעקסיע זאל בטל ווערען, אז אונזערע ברידער זאלען ניט פאלען אלס א קרבן פונ׳ם האנדעל אויפ׳ן פאליטישען מארק. אלין, וואס עס איז אין אונזערע כחות וועלען מיר טון, כדי צו ארויסראטעווען די בעסאראבער אידען פון דער רומענישער אנעקסיע, וועלכע איז א נייער ריס אין אונזער פאלקס־ארגאניזם, א נייער שווערער קלאפ.

מ. ק.

נאטיצען און אבקלאנגען.

צוויי מאסן.

אז די אידישע סאציאליסטישע פארטייען פארמאגען צווייערליי מאסן און וואגן — איז אנ׳אלטער כלל. פאר די אומות העולם האבען זיי, למשל, איין דעמאקראטיזם און פאר דער „ארגאניזירטער אידישער רעאקציע“ אנ׳אנדערען; אויף דער גוי׳אישער גאס זיינען זיי מורא׳דיג סטאבעטשנע, ממש דורכגעזעבט מיט די מענשעוויסטיש־מליכה׳שע אחרית־געדאנקען, און אויף דער אידישער גאס זיינען זיי גוואלדיגע באלשעוויקעס, צערשטערער פון דער אלטער ארדנונג און ראדיקאלען ביז נאר. און אזוי איז אין אלין.

אט רעדען זיי איצט, למשל, וועגען דעם, אז די ציוניסטען שטערען כלומרשט זיי אין דער שאפונגס־ארבייט, אז זיי „סאבאטירען“. רופט זיך א גערעכטע טענה: „מיר בויען און איר — וועניג וואס איר העלפט ניט, מאכט איר נאך קאליע“.

האבען אבער די אידישע סאציאליסטען צווייערליי וואגן און מאסן: פאר זיך און פאר אנדערע, בפרט פאר נעגנער — דא זיינען שוין די וואגן ממש פאלשע. וארים, ווי ווערט איר רעדען אנרופען זייער אייגענע פאזיציע אין דער קהלה, זייער הייליגע שבועה ניט „איינציטונקען די הענד אין בורזשואזנעם קאלטען וואסער“. דאס איז דאך דער ריינסטער „סאבאטאזש“, דער אמת׳ער באיקאט פון אנשטאלטען, וואס זיינען ווירקליך דעמאקראטיש.

אין דער קיעווער קהלה איז פאראן 60 ראטמענער, זיינען אבער 20 פון זיי סאציאליסטען, „וואס נעמען ניט אויף זיך די פאראנטווארטליכקייט“, מוזען זיי נארנישט, באטייליגען זיך ניט אין דער פראקטישער ארבייט, נאר... האלטען און אין רעדען און פארלאנגען איבערזעצונגען. אין דער פארוואלטונג געהען זיי ניט אריין, אין די קאמיסיעס פיגורירען זיי נור אין די האלען פון עצה־געבער; קורץ, זיי „סאבאטירען“ די ארבייט פון דער קהלה. דאס נעמט אן אזא כאראקטער, אז אפילו ה׳ לעשטשינסקי איז זיך מישב: וואס דארף מען בילביגער, „אפאזיציע צו ארבעטען?“

איז דען דאס ניט ב. באטאוש? שטערט מען דען ניט דערמיט די ארבייט אין די קהלות.

וועלען מיר מאכן פארשרייבען, אז אין דער קיעווער קהלה פירען דורך די גאנצע ארבייט בלויז די ציוניסטען, די איבעריגע סאבאטירען.

מ. ג.

א דארן אין א פרעמד אויג...

איינער פון די פאפולערע „ארבער־באשינער“, א פאראייניגטער, האט לעצטענס געמאכט א גאסטראל אין דער קיעווער שטאט־דומע, וואו ער איז ארויסגעטראטען אין דער ראלע פון אנ׳אוקראינישען אדוואקאט, וואס קלאגט זיך אויף די עולות, וועלכע מען באגעהט בנוגע צו דער אוקראינישע „סאמאסטינער“ מאכט. מיר ווייסען ניט גענוי צו די ארויסטרעטונג פון ה׳ שאץ איז געווען גענוג טאקט׳ש און קלוג, ער האט אבער געמוזט איסהערען עטליכע ביטערע ווערטער מצד די סאציאליסטען און איבערליינען אויף מארגען אין דער כשר׳ער „קיעווסקאיא מיסל“ גאר א מאוסען באריכט.

קלאגט זיך ה׳ שאץ, אז מען האט אים ניט פארשטאנען, און זיינע ווערטער האבען די אידישע רענעגאטען פון כל המינים פארדרעהט: די „קיעווסקאיא מיסל“ האט, זעהט איר, געבראכט אנשטאט דעם אינהאלט פון זיינע ווערטער, נאר — די „אונאנגענעמע איינדריקען“, וואס זי האט געמאכט אויף דער דומע. און פארקערט: זיין רעדע נעגען דער אוקראינישער רעגירונג, וועלכע ער האט מיט א מאן שפעטער געהאלטען אין ראדע האט מען דוקא להלוטין פארשוויגען. וואו זיינען יעצט אין געראכטינקייט?

דער דאזיגער וועה־געשריי וועגט געדרוקט מיט שווארץ אויף ווייס דוקא אין דעם ארגאן פון די „פאראייניגטע“, וועלכער מוט אב די זעלבע שענע מעשים טאג איין טאג אויס. איבערגעבענדיג אנשטאט די ווערטער פון די געגנער בלויז דעם איינדריק, וואס זיי האבען געמאכט אויפ׳ן פארטייאישען רעפארטער.

אזוי האנדלען די פרומע „קיעווסקאיא מיסל“ מיט דער „נייער צייט“, וואס האבען געגנים ען ערגעןווא א פאטענט אויפ׳ן נאמען „עהרליכע פרעסע“ לעבען נאך עד היום אויף דעם דאזיגען חשבון און זיינען זאגאר ביידע פארבינדען מיט א פערסאנאלער אוניע.

אפשר באשטעהט די דאזיגע „אוניע“ גראד בלויז אין דער מאוסער מדה צו פעלשען די ווערטער און ארויסברעטונגען פון די געגנער.

ג.

זייט פארזיכטיג!

מיר פארשטעהען גאנץ גוט, אז פארטייען, וועלכע פאלען דורך בעת די וואהלען, ווערען דערפון

מיראָ'דיג אויפגערעגט, מיר באַגרייפען אויך, אַז פאַרשטעהער פון פאַרטייען, וואָס האָבען לעת עתה אין דער ראַדע, למשל, 13 פאַרטרעטער און וועלען אין דער אוקראַינישער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָבען אין בעסטען פאַל בלויז צוויי דעפּוטאַטען, זיינען מלא רציחה אויף'ן אונדאַנקבאַרען פאָלק, אָבער דאָס אַלץ גיט נאָך ניט דאָס רעכט די פאַרטיי־פירער פון די „פאַראייניגטע" צו מאַכען אויף די ציוניסטען מסירות.

זאָלען זיך די איידעלע ריטער פון דער שענער סאָציאַליסטישער פאַרטיי ניט שרעקען פאַר דעם דאָזיגען האַרבען וואָרט, זייער קיין אַנדער באַצייכנונג, ווי מסירה, אמת, אַ ביליגע מסירה, קענען מיר ניט געבען די ווערטער פון ה' שאַין, אַז „די ציוניסטען גראָבען זיך אונטער אונטער דער ראַדע".

ה' שאַין איז הפנים געווען אין כעס, וואָס די ציוניסטען האָבען פאַרלאַנגט גיכער צונויפרופען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און מאַכען דערמיט אַ סוף מיט דער איצטיגער אידישער פאַרטרעטונג אין דער ראַדע, וועלכע שפּיגעלט ניט אָב די אמת'ע אינטערעסען און שטימונגען פון'ם אידישען פאָלק, אָבער אויף אזוי ווייט פאַרגעסען זיך אין זאָגען, אַז די ציוניסטען זוכען בלויז אין די ווענט פון ראַדע דעמאָקראַטען און איסער דער ראַדע גראָבען זיי זיך אונטער אונטער איר, דאָס איז אַ קאַמפּס־מיטעל, וועלכע מען קען אָנרופען בלויז: מסירה.

אפילו אין דעם שטרעבען איבערצייגען זיך פאַר די בעלי־בתים, טאָר מען ניט, געעהרטע הערר'ען, געהן אזוי ווייט.

ה' שאַין האָט מסתמא דערפילט, אַז זיין אַרויסטרעטונג האָט געמאַכט אויף אַלעמען אַ מאיסען איינדרוק, האָט ער זיך באַלד פאַרענטפערט:

—איך האָב טאַקי געזאָגט די ווערטער, נאָר געמיינט האָב איך זיי אזוי: די ציוניסטען גראָבען זיך אונטער אונטער דעם נאַציאָנאַל־ראַט און דער נאַציאָנאַל־ראַט איז אַן אָרגאַן פון דער ראַדע (?)

—הייסט עס, אַז זיי גראָבען זיך אונטער אונטער דער ראַדע.

דער דאָזיגער פּלפּול פון אַ וואָלאָזשינער קלויזניק האָט, נאַטירליך, נאָך מער אונטערשטריכען דעם זין פון דער מסירה'לע.

זייט פאַרזיכטיג! אפילו בשעת אַ גסיסה דאַרף מען ניט זשומען, ווי די גוסס'ירע האַרבסט־פליגען.

ג. מ.

פאַלסיפיקאַטאָרען.

אַז מען לייענט דעם אָרגאַן פון די „פאַראייניגטע", קען מען אָנהייבען גלויבען, אַז אויף קאַראַוואיעווסקע געפינט זיך ניט קיין דרוקעריי, וואו מען זעצט אידישע בלעטער, נאָר אַ פאַבריק, וואָס אַרבייט אויס פאַלשע מטבעות. ווארום, נעמט מען אין די הענד אַ נומער „נייע צייט", זעהט דאָרט אויס דאָס גאַנצע אידישע לעבען, ווי אין יענע קרומע שפּיגלען, וואָס ווערען אַריינגעשטעלט אין די אויסלענדישע „לונא־פּאַרקען". אַלץ פאַרדרעהט, פאַרקרימט, פאַרמאַסקירט, פאַרפּע׳שט און פאַרקלעקערט ביז גאָר.

מילא, אַ פאַרטיי־בלאַט דאַרף זיין אַביסעלע טענדענציעז, אַביסעלע אינטערעסירט מיט פאַרטיי־פאַרב און אָבגעבלאַסט מיט פּודרע, אָבער פּשוט פאַלסיפיצירען און פאַלשען—דאָס וועלען דאָך ניט פאַרלאַנגען אפילו די פאַרביסענסטע פאַרטיי מענשען, מ'מוז דאָך פאַרט פאַרמאָגען אַביסעלע אָנשטאַנד.

איז אָבער פאַראַן אַ כלל: וואָס קלענער אַ פאַרטיי, אַלץ גרעסער זיינען אירע השגות און הלבת זידלעריי. פאַרנעמען זיך טאַקי די פייניע לייט פון „נייע צייט" מיט זידלען ציוניסטען אויף וואָס די וועלט שטעהט, און ווען דער שטאָף געהט אויס, פעלשט מען פּשוט זייערע ווערטער און מיינונגען. האַלטען זיך אָב די ציוניסטען פון צו שטימען פאַר'ן געזעץ וועגען סעמינאַר, ווייל ס'זיינען אָבגעוואָרפען געוואָרען די איבערבעסערונגען וועגען די שפּראַכען, שרייבט מען אַז זיי האָבען געשטימט געגען; מאַכען ציוניסטען ערקלערונגען אין נאַציאָנאַל־ראַט, פעלשט מען זייערע ווערטער אזוי, אַז מען קען זיי ניט דערקענען, אָדער מען פאַרבאַרגט בכלל, אַז זיי האָבען עפּעס גערעדט. פּראָטעסטירען ציוניסטען אין דער ראַדע געגען רומענישע מעשים פאַרשווייגט מען עס, כדי צו דערוועקען דעם איינדרוק—אַז זיי האָבען זיך ניט אַרויסגעזאָגט וועגען די מעשים פון די רומענישע רוצחים.

קליין, ביליג, פּראָווינציעל. און אַלץ לשם סאָציאַליזם, דעמאָקראַטיזם און יושר, און אַלץ מיט די פרומע פּנים'ער פון ערליכע און איידעלע זשורנאַליסטען, בשעת מען איז ניט מער, ווי פאַבריקאַנטען פון פאַלשע מטבעות.

איך.

* * *

דאָס אידישע לעבען אויף אוקראַינע.

אין ראַדע.

אויף דער זיצונג פון 22־טען מאַרט האָט ה' מ. נ. סירקין אין נאָמען פון דער ציוניסטישער פראַקציע אַריינגעטראָגען אַ מאָטיווירטע מעלדונג וועגען געזעץ וועגען אוקראַינישער בירגערשאַפט, וואָס איז, ווי באַוואוסט, „אויף איין פוס" אָנגענומען געוואָרען אין זשיטאָמיר. אין דער מעלדונג ווערען גרינדליך קריטיקירט די יורידישע און פּאָליטישע פעלערן פון געזעץ; און ס'ווערט פאָרגעלעגט צו בילדען אַ באַזונדער קאָמיסיע, כדי איבערצואַרבעטען. דער פאָרשלאַג איז אָבגעוואָרפען געוואָרען. דאַן האָט די ציוניסטישע פראַקציע אַליין אויסגעאַרבייט אַ נייעם געזעץ וועגען בירגערשאַפט.

—די פּועלי־ציוניסטישע פראַקציע האָט אַריינגעטראָגען אַ אינטערפּעלאַציע וועגען די באַפעלען פון דעם מיניסטעריום פאַר אינערליכע ענינים און פון דעם פּאָסט־מיניסטעריום וועגען די אוקראַינישע אויפשריפטען און שילדען. די פראַקציע ווייזט אָן, אַז אַזעלכע באַפעלען געפינען זיך אין סתירה צום פּונקט פון דריטען אוניווערסאַל, וועלכער גאַראַנטירט די נאַציאָנאַלע מיעוט'ען דאָס רעכט צו באַנוצען זיך מיט זייער שפּראַך אין עפענטליכע אַנשטאַלטען.

די אינטערפּעלאַציע ענטהאַלט אויך אַ פראַגע דעם פינאַנץ־מיניסטער, צי ס'איז ריכטיג, אַז אויף דעם נייעם געלט, וואָס ווערט געדרוקט אין לייפּציג, וועלען זיין בלויז אוקראַינישע אויפשריפטען. די אָנפראַגע איז אָנגענומען.

—אויף דער זיצונג פון 9־טען אַפּריל איז לויט'ן באַריכט פון פּרעמיער־מיניסטער גאָלובאָוויטש באַשטימט געוואָרען אַלס מיניסטער פאַר אידישע ענינים וו. לאַצקי (ליטעראַרישער פּסעוודאָנים בערטאָלדי).

וו. לאַצקי איז דער קאַנדידאַט פון דער אידישער פאָלקספּאַרטיי, וועמען ס'האָבען אויך געשטיצט די פּועלי־ציון, בונד און פאַראייניגטע

אין נאָמען פון דער ציוניסטישער פראַקציע האָט ה' מ. הינדעס געמאַכט פאָלגענדע ערקלערונג:

—די ציוניסטישע פאַרטיי רעכענט, אַז דער נאַציאָנאַלער מיניסטער, אָדער ריכטיגער סטאַטס־סעקרעטאַר, דאַרף אויסגעקליבען ווערען דורך דער נאַציע זעלבסט. דער איצטיגער קאַנדידאַט אָבער איז דורך קיינעם ניט אויסגעקליבען און דער פּאָסט פון אידישען מיניסטער ווערט פאַרנומען לויט אַ ביוראָקראַטישער באַשטימונג. ה' הינדעס האָט אָנגעוויזען דערויף, אַז די פאָלקס־פאַרטיי האָט אייניגע גובערניעס ביי די וואַהלען אין דער אוק. גר.־פאַרז. באַקומען סך־הכל 500 שטימען. הייסט דאָס, אַז דער פאָרטפעל איז „אַריינגעפאַלען" צו דער פאָלקס־פאַרטיי נאָר דערפאַר, ווייל קיינער האָט אויף אים ניט פּרעטענדירט. דער נייער מיניסטער וועט ניט האָבען קיין אויטאָריטעט צווישען אידען; ער וועט זיין ניט מער ווי אַ באַשטימטער שרייפעל אין דער ביוראָקראַטישער מאַשין...

מיר וועלען אין דער באַשטעטיגונג פון אָט דעם מיניסטער זיך ניט באַטייליגען.

— אויף איינער פון די לעצטע זיצונגען פון דער ראַדע איז אָנגענומען געוואָרען דער געזעץ־פּראָיעקט וועגען גרינדען אַ אידישען לערער־סעמינאַריום און אַסיגנירט געוואָרען די נייטיגע סומען דערצו. ביים באַטראַכטען אָט דעם געזעץ־פּראָיעקט האָט דער פאָרשטעהער פון די ציוניסטען ה' מ. הינדעס אַריינגעטראָגען אַ פאָרשלאַג, אַז די לערן־שפּראַך פון סעמינאַריום זאָל באַשטימט ווערען דורכ'ן אידישען נאַציאָנאַל־ראַט. דער פאָרשלאַג איז אָבגעוואָרפען געוואָרען און פאַר דער לערן־שפּראַך אין סעמינאַריום איז אָנערקענט אידיש. נאָך דעם האָבען זיך די ציוניסטען אָבגעהאַלטען צו שטימען פאַר'ן געזעץ־פּראָיעקט.

— אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן פאַראייניגען בעסאַראַביע צו רומעניען איז אין דער ראַדע אָנגענומען געוואָרען איינשטימיג אַ פּראָטעסט געגען דעם, וואָס רומעניען האָט פאַרנומען אזא מין אַקט ניט פרעגענדיג ביי דער באַפעלקערונג. אין נאָמען פון דער ציוניסטישער פראַקציע האָט ה' מ. גראָסמאַן פּראָטעסטירט געגען דעם גוואַלד־אַקט פון אידישען נאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט און אָנגעוויזען אויף די רדיפות און רציחות, וואָס די רומענישע רעגירונג איז באַגאַנגען און באַגעהט איצט בנוגע צו דער באַפעלקערונג. די אידען קענען בשום אופן ניט איינשטימען אויף פאַראייניגען בעסאַראַביען צו רומעניע.

— די ציוניסטישע פראַקציע האָט אַריינגעטראָגען אין דער ראַדע אַ געזעץ־פּראָיעקט וועגען אומבאַרירליכקייט פון די מיטגלידער פון דער אוקראַינישער צענטראַלער ראַדע. דער געזעץ־פּראָיעקט איז אָנגענומען געוואָרען.

—אויף דער זיצונג פון 16־טען אַפּריל האָט די ציוניסטישע פראַקציע אַריינגעטראָגען אַן אָנפראַגע דעם קריגס און אינערן־מיניסטער וועגען די שרעקליכע אכזריות'ן און רציחות, וואָס ס'קומען פאָר אין פּאָלטאַווער און טשערניגאָווער גובערניע

בונגען צו דער אידישער באפעלקערונג מצד די הײדאמאקעס און „יונגע קאזאקען". אין דער אנפראגע ווערען איסגערעכענט א רײה מערדערישען און ווילדע פארפאַלען אויף די סטאנציעס גרעבענקא, באַרישאָװקע, ראָמאדאַני און אַנדערע, די גוואלדטאַטען ווערען באַשטעטיגט דורך דאָקומענטאַלע באַווייזען. אין א גרויסער רעדע האָט ה' מ. גראָסמאַן אָנגעוויזען אויף די ערנסטע פאָלגען פון אזעלכע געשעהענישען, וועלכע רופען ארויס ביי די אידען א האס צו די אוקראינישע רעגירונגס-פאַרטרעטער.

אין אידישען נאַציאָנאַל-ראַט.

חול-המועד פסח זײַנען פאָרגעקומען עטליכע זיצונגען פונ'ם אזוי גערופענעם אידישען נאַציאָנאַל-ראַט בײַם אידישען פאָלק-מיניסטעריום. ווי באַוואוסט, באַשטעהט איצט דער נאַציאָנאַל-ראַט פון 50 מיטגלידער פון די פאָלגענדע פאַרטייען: בונד, פועלי-ציון, פאַראייניגטע, פאָלקס-פאַרטײַ און ציוניסטען.

די ציוניסטען האָבען זיך די גאַנצע צײַט באַצויגען פאַסיוו צום נאַציאָנאַל-ראַט, ווײַל זיי זײַנען נים איינשטימיג מיט זײַן קאָנסטרוקציע; די ציוניסטען, וועלכע האָבען בײַ אַלע וואהלען באַקומען אן איבערגעהייערע מעהרהײַט, האָט מען געגעבען גלײַך מיט אַלע פאַרטײַען נים מעהר ווי 10 ערטער. פון די ציוניסטען פלעגען אויף די זיצונגען פון נאַציאָנאַל-ראַט קומען נאָר אײניגע פאָרשטעהער מיט אינפאָרמאַציאָנ'ס-צוועקען און זעלטען נעמען אַנטייל אין די דעבאַטען.

אויף די לעצטע זיצונגען זײַנען באַטראַכט געוואָרען די פראַגע וועגען באַשטימען א נײַעם מיניסטער און די פראַגע וועגען א אידישען פאָרפאַרלאַמענט. די פאַראײניגטע, וועמען'ס קאַנדידאַט ד"ר זילבערפאַרב איז פריהער געווען מיניסטער, האָבען זיך בײַ די איצטיגע אומשטענדען אָבגעזאָגט צו שיקען זייער א קאַנדידאַט אין אוקראַינישען מיניסטאָרען-קאַבינעט. ענדליכע באַשלוסען האָבען אָנגענומען „בונד" און „פועלי ציון". די הסכמה אויף צו באַזעצען דעם פאָסטען האָט געגעבען די פאָלקס-פאַרטײַ. די ציוניסטישע פאָרשטעהער האָבען געפאָדערט אז מ'זאָל די פראַגע אָבלעגען און נישט אײַנדערגיך אוועקזעצען א מיניסטער; דערווייל זאָל זײַן נאָר א מיניסטעריום-פאַרוואַלטער. מיט די שטימען פון אַלע סאָציאַליסטישע פראַקציעס איז באַשלאָסען געוואָרען, אז דעם פאָסטען פון אידישען מיניסטער זאָל פאַרנעמען א מיטגליד פון דער פאָלקס-פאַרטײַ, וועלכע האָט שוין אָנגעצייכנט אלס איהר קאַנדידאַט לאַצקי (בערטאָלדי).

וועגען א צײַטווײַליגער אידישער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג (פאָרפאַרלאַמענט) איז אָנגענומען געוואָרען א באַשלוס, אז ס'זאָל צונויפגערופען ווערען א פאָרפאַרלאַמענט, וועלכער זאָל באַשטעהען פון 125 מיטגלידער: די 50 מיטגלידער פון נאַציאָנאַל-ראַט און 75 פאָרשטעהער פון די אידישע קהלות אין אוקראַינע.

די ציוניסטען האָבען זיך אַרויסגעזאָגט געגען דעם לעצטען באַשלוס און געפאָדערט, אז אַלע מיטגלידער פון פאָרפאַרלאַמענט זאָלען זײַן פאָרשטעהער פון די דעמאָקראַטיש אויסגעקליבענע אידישע קהלות.

רעפרעסיעס פון דייטשען.

אין רעטשיצע, מינסקער גוב., האָבען די דײַטשען פאַרווערט אַלע פאַרזאַמלונגען, מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס. וועגען דעם איז אין דער שטאָט-דומע פאָרגעקומען א זיצונג, אין וועלכער די סאָציאַליסטישע ראַטמענער זײַנען אַרויסגעטראַטען מיט שאַרפע רעדעס. אויף מאָרגען האָבען די דײַטשען אַרעסטירט דעם ראַטמאַן ליפשין.

דער אידישער קהלה איז פאַרווערט געוואָרען צו צונויפרופען א פאַרזאַמלונג, ווײַל לויט דעם קאָמענדאַנט'ס מיינונג באַציהען זיך די אידען פײַנדליך צו די דײַטשען. דעם 9-טען מאַרט איז אין קלוב פון די „פאַראייניגטע" פאָרגעקומען א פאַרזאַמלונג, זײַנען אָנגעקומען דײַטשען, צוטריבען די פאַרזאַמלונג און רעקווירירט דעם קלוב.

קאָנטריבוציע אין ברוסילאָוו.

אין ברוסילאָוו, ראַדאָמישלער אויעזד, האָט איינער מיזעריצקי, וועלכער גיט זיך אַרויס פאַר אינספּעקטאָר פון ראַדאָמישלער מיליציע, אַרויפגעלעגט אויף די אָרטיגע אידען 50000 רובל קאָנטריבוציע.

וואוהין די היימלאָזע קאָנען זיך אומקערען.

די דײַטשע מאַכט האָט מסכים געווען צו ערלויבען דערווייל אומצוקערען זיך אהיים די היימלאָזע פון די אויעזדען: קאָברינער, קאָוועלער, ברעסט-ליטאָווסקער, ביאַלער, וולאָדאָווער, קאָנסטאַנטינאָווער און פינסקער.

אומצוקערען זיך האָבען רעכט געזונטע און אַרבעטספעהיגע היימלאָזע, וועלכע האָבען געוואוינט אין די געגענטען, וואָס זײַנען אָקופּירט דורך די דײַטשען און וואָס לויט'ן שלום אָבמאַך זײַנען זיי אַריבער אין רשות פון דער אוקראַינער רעפּובליק.

דער וועג איז באַשטימט דורך ראָוונע און גאָלאָבי. קראַנקע מענער און פרויען מיט קינדער וועלען פאַרהאַלטען ווערען אין ראָוונע ביז האַרבסט.

א שוואַרץ-מאַהדיגע בראָשור.

דער אוקראַינישער שוואַרצמאַהניק געטמאַנעץ האָט אַרויסגעלאָזט אן אַנטיסעמיטישע בראָשור אונטער'ן נאָמען „פּרא סטראַשני טשאַסי וו'קראַיני" אין וועלכער ער באַשולדיגט די אידען אין דעם, אז בעת דער הערשאַפט פון די באָלשעוויקעס האָבען זיי געמאַכט גוטע געשעפטען דורך האַנדלען מיט די אָנגערויבטע זאַכען און דערצעהלט נאָך ענליכע שקרים.

אויף ווייפיל די דאָזיגע בראָשור איז שוואַרצמאַהדיג אָנגעשריבען קאָן מען זיך פאָרשטעלען דערפון, אז דאָס אינערן-מיניסטעריום האָט געפונען פאַר נויטיג צו קאָנפיסקירען זי פאַר אָנרייצען איין נאַציע קעגען דער אַנדערער.

אין חעלמער קאַנט.

פון חעלמער קאַנט קומען אָן ידיעות, אז די אוקראַינישע באַפעלקערונג ווערט דאָרט שלעכט באַהאַנדעלט דורך די פּאָליאַקען. די היימלאָזע, וועלכע האָבען קיין צייגניש פונ'ם „פּוילישען צענטראַלען אָביוואַטעלסקי קאָמיטעט" שיקט מען צוריק; די פּאָליאַקען און אידען ווערען פרײַ דורכגעלאָזט קיין חאָלמשטשינע דורך וואָלאָטשיסק.

„אוסטאַנאָוויטשי סבאָרי".

לויט די לעצטע ידיעות זײַנען די רעזולטאַטען פון די וואַהלען אין דער אוק. נ.-פאַר. פאָלגענדע:

פון קיעווער גוב. זײַנען אויסגעקליבען: 38 אוקראַינער, 3 באָלשעוויקעס, 3 פונ'ם אידישען נאַציאָנאַלען קאָמיטעט, 1 אוספאַרטייאישער רוס. פון פּאָלטאַווער גוב: 18 אוקראַינער, 10 באָלשעוויקעס, 1 לינקער ס.-ר. און 1 פויער.

סך הכל זײַנען שוין אויסגעקליבען 172 דעפּוטאַטען: 115 אוקראַינישע ס.-ר'ען, 34 באָלשעוויקעס, 9 פונ'ם אידישען נאַצ. קאָמ., 5 פּאָליאַקען, 3 פויערים פון באַלטער אויעזד, 1 אוספאַרטייאישער, 1 בונדיסט, 1 אוק. ס. ד., איין לינקער ס. ר., 1 קאַדעט, 1 פויער-אייגענטימער.

אין קיעוו.

די קאַנצעלאַריע פונ'ם נײַעם קיעווער קהלה-ראַט וועט זײַן אָפען טעגליך פון 9—3 אזייגער בייטאָג חוץ שבת און יום-טוב. די זיצונגען פון דער פאַרוואַלטונג וועלען פאָרקומען טעגליך פון 11—12, די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג וועלען אויפנעמען טעגליך פון 12 ביז 2 בייטאָג.

די „געזעלשאַפט צו העלפען נויטבאַדערפטיגע בעלי-מלאכה און אַרבעטער פון דער שטאָט קיעוו" רעכענט עפענען אין קיעוו א פּראָפעסיאָנעלע שנײַדער-שול, וועלכע וועט זײַן די ערשטע אידישע פּראָפעסיאָנעלע שול אין אוקראַינע.

דער ראַט פון די פאָלקס-מיניסטאָרען האָט באַשטימט ל. בראָדסקי'ן און מאַרק ווײַצען אלס מיטגלידער פון פינאַנס עקאָנאָמישען ראַט בײַם פינאַנס-מיניסטעריום.

די פינאַנץ-קאָמיסיע פונ'ם קיעווער אידישען קהלה-ראַט בעט אַלע צדקה און געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלטען, וואָס האָבען באַקומען שטיצע פון דער פאַרטרעטונג פון אידישע צדקה-ענינים בײַ דער קיעווער „אוזפּ אווע", צושיקען אין מעגליכסט קורצער צײַט זייערע יאָר-באַריכטען פאַר די לעצטע פינף יאָר, באַזונדערס פון 1917 יאָר לויט'ן אַדרעס טריאָכסוויאַטיטעלסקאַיאַ 2.

אין אָדעס.

אין קאָמיסאַריאַט בײַם אָדעסער שול-ראַיאָן געהט אַרײַן אן אידישער פאָרשטעהער. צײַטווײַליג ערפילט די פליכטען פון אידישען קאָמיסאַר ס. ס. שיפרין. ס'ווערט צונויפגערופען א באַראַטונגס-קאָמיסיע פון פאַרטייען-פאָרשטעהער און פאָרשטעהער פון דער אידישער סעקציע פונ'ם אַלרוסלענדישען לערער-פאַרבאַנד צו אָנפירען מיט דער אַרבעט פונ'ם אידישען קאָמיסאַר.

אויפ'ן אָרט פון געשטאָרבענעם ראַבינער פּאָלינקאָווסקי און קראַנק געוואָרענעם דיבנאָ איז צײַטווײַליג אלס ראַבינער באַשטימט געוואָרען ש. מ. גליקסבערג.

אויף דער פראַגע, פאַרוואָס מען אַנטוואָפענט די אידישע נאַציאָנאַלע מיליטער-טײַלען, האָט דער אוקראַינישער קאָמיסאַר קאָמאַני געענטפערט, אז ס'וועט זײַן אײַן אוקראַיניש מיליטער, וואוהין ס'וועלען אַרײַנגעהן אויך אידען.

א דעלעגאציע פון די ה'ה זוסמאן, גראנעראוו און ראבינער גליקסבערג האבען זיך פאר פסח געווענדעט צו די פארשטעהער פון דער עסטרייך-דייטשער קאמאנדאנטור מיט א בקשה אבלאזען די דייטשע סאלדאטען-אידען אויף פסח. די עסטרייך-דייטשע מאכט האט ניט געפונען פאר מעגליך צו ערפילען די דאזיגע בקשה און האט נאר ערלויבט זיי געהן אין שוהל אריין און אויך ערלויבט, אז מ'זאל זיי ברייננען בשר עסען אין די קאזארמעס.

אויף איינער פון די לעצטע זיצונגען אין שטאט-דומע איז פארגעלעגט געווארען דער שול-פראיעקט, וועלכער איז, ווי עס ווייזט זיך ארויס, גאנץ ביוראקראטיש צונויפגעשטעלט. די פארשטעהער פון די אידישע פארטייען האבען אריינגעטראגען א דעמאקראטישען געזעץ-פראיעקט פון די נאציאנאלע שולען, אויף וועלכע די בעלי-בתים דארפען זיין נאר די קהלות פון דער אדער יענער נאציע.

דער געזעץ-פראיעקט וועגען די נאציאנאלע שולען איז צום באארבעטען איבערגעגעבען געווארען אין שול-קאמיטעט.

אויף דער לעצטער פארזאמלונג פון די אוקראינער סאציאליסטען אין אדעס איז ארויסגעטראטען א מאטראס און רעדענדיג וועגען פלאט ערקלערט אז דער „צענטראפלאט" ווערט אנגעפירט דורך צוויי „איזראעליטען". די פארזאמלונג האט אים אויסגעבעסערט: „זשידעס". די פארזאמלונג איז געוועזען גאנץ צופרידען מיט די אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען.

בשעת די לעצטע געשעהענישען אין אדעס האבען געשפילט א גרויסע ראליע די אידישע קאמפ-דרוזשינעס און דער אידישער באטאליאן. די אידישע דרוזשינע, וועלכע באשטעהט פון א 700 מענשען, האט מיט מוט באשיצט די אידישע באפעלקערונג אין אדעס און פארהים אלע אדמיניסטראטיווע ערטער פון די רויבערשע באנדעס און פון די באלשעוויקעס. אצינד ווערט די אידישע דרוזשינע רעפארמירט און לויט דער השתדלות פון דער שטאט-פארוואלטונג וועט זי ווייטער בלייבען אויף איר פאסטען צו באהיטען די אידישע איינוואוינער פון אדעס.

די הײדאמאקעס אין גאגאליעוו.

אין גאגאליעוו (טשערניג. גוב.) איז דעם 23-טען מארט געקומען אן אטריאד הײדאמאקעס מיט'ן סאטניק ליאבענעוויטש בראש און געמאכט א שרעקליכען פאגראם אויף דער אידישער באפעלקערונג. די אידען אפרים בעלאנאווסקי און בהאנאוו זיינען אכזריות'דיג דערשאסען געווארען. דאס אידישע מיניסטעריום האט וועגען דעם מיטגעטיילט דעם פראקוראר פון קיעווער געריכטס-פאלאטע, כדי צו מאכען אן אויספארשונג.

אין דער אויספארשונג-קאמיסיע.

דעם 8-טען אפריל איז פארגעקומען די ערשטע זיצונג פון דער אויספארשונג-קאמיסיע, וועלכע איז געגרינדעט געווארען ביי דער צענטראלער ראדע, כדי צו שיקען א ספעציעלע קאמיסיע קיין ניקאלאיעוו צו מאכען אן אויספארשונג. די קאמיסיע וועט באשטעהן פון 5 מענשען: 3 אוקראינער, 1 רוסישער ס.-ד. און 1 ציוניסט (חבר ס. הינדעס). די פארלאמענט-קאמיסיע וועט באזוכען ניקאלאיעוו, אדעס און חערסאן.

די בונדישע קאנפערענץ.

אויף דער בונדישער קאנפערענץ, וואס האט זיך ערשט פארענדיגט אין קיעוו איז ארויסגעטראגען געווארען א רייהע רעזאלוציעס, וואס באשטעטיגען די טאקטיק פון דער פראקציע אין דער ראדע אין פארמשפטן שארף די באלשעוויקעס. ס'איז אויך אנגענומען געווארען א רעזאלוציע וועגען דערנעהנטערן זיך צו די אוקראינער סאציאל-דעמאקראטען.

אלס פארשטעהער פון דער קאנפערענץ אין צענטראלער ראדע זיינען אויסגעקליבען געווארען 5 מיטגלידער: ראפעס, זאלאטארעוו, העפפען, לוריע און פוקס. די איבריגע 8 מיטגלידער ווערען אויסגעקליבען פון די ארטיגע ארגאניזאציעס.

די טרויעריגע לאגע פון די אידישע קינדער-היימען.

פון דער פראווינץ קומען אן אסך ידיעות, אז א גאנצע רייהע אנשטאלטען, ווי קינדער-היימען, קינדער-קלובען א. א. וו., וועלכע געפינען זיך אין וואלין, פאדאל און אנדערע ערטער, האלטען ביים פארמאכען זיך, ווייל זיי באקומען ניט קיין שטיצע.

דאס קיעווער ביורא פון „אזע", וועלכע פירט אן מיט דער טעטיגקייט פון קיעווער ראיאן, געפינט זיך די לעצטע צייט אין א שרעקליכער פינאנציעלער לאגע, ווייל שוין א לאנגע צייט, אז פון פעטראראד קומט קיין גראשען ניט אן.

אנטיסעמיטיזם פון דייטשע קאלאניסטען.

בשעת די לעצטע אומרוהען אין אדעסער געגענד האבען אסך אנטלאפענע געוואלט זיך

צייטווייליג באזעצען אין איינייגע דייטשע קאלאניעס פון חערסאנער גובערניע. צווישען די אנטלאפענע זיינען געוועזען אויך איניגע אידישע פאמיליעס אבער אויף די דארף-פארזאמלונגען אין איניגע פון די דאזיגע קאלאניעס, ווי מאריענטאל, יאזעפסטאל, פעטערסטאל א. אנד. האט מען באשלאסען אידען ניט אריינלאזען אין די קאלאניעס. אין גראסליבענטאל, וואו עס האבען זיך באזעצט עטליכע אידישע פאמיליעס, האט דער דארף-סטאראסטע בוימגארטנער געפירט אן אגיטאציע, אז מ'זאל זיי ארויסטרייבען, נאר א גרויסע גרופע פון די קאלאניסטען האט נישט דערלאזט אננעמען אזא רעזאלוציע.

א נייער תחום-המושב.

אין לאדיזשין, גוב.-יק, סטעפאשקי און אין נאך אסך ערטער פון פאדאלער גובערניע האבען די פויערים באשלאסען ארויסצוטרייבען די אידען פון זייערע הייזער און זיי ערלויבט זיך איבערצוציהען אין דער זייט דארף, וואו ס'געפינט זיך דער מארק. אויך אין דעם אוקראינעשען מיניסטעריום פאר נאציאנאלע ענינים איז די לעצטע צייט אנגעקומען א גאנצע רייהע אנקלאגען פון אידען, אין וועלכע זיי קלאגען זיך אויף זייער ביטערער לאגע. אזוי למשל דער וואלאסט-קאמיטעט פונ'ם דארף לאדיזשין באפוילט חיים שקרוב, אז ער מיט זיין פאמיליע זאל זיך ארויסציהען פונ'ם דארף אויפ'ן מארק.

די נייע קהלות.

אין דובנע (וואל. גוב.) זיינען אין קהלה-ראט אויסגעקליבען געווארען פון „אחדות" 6, פון די פאראייניגטע 4, פון די וועהלער פון פארשטאט סורמיטש 4, פון בונד 5, פון ציוניסטען 9, פון בעלי-מלאכות-ארבעטגעבער 5 מיטגלידער.

פראסקוראוו:

„חברים כל ישראל" — 1, פאראייניגטע 8, „אחדות ישראל" 1, אידישע בעלי-מלאכות — 5, בונד — 5, ציוניסטען — 10, פועלי-ציון — 2, „בית-המדרש" — 1, „עזרה בצר" — 1, „אגודת אחים" — 2, „גרייסע שוהל" 1.

טשערניגאוו:

פועלי-ציון — 6, בונד 4, פאראייניגטע — 3, אומפארטייאישע — 2, ציוניסטען — 11 פאלקס-פארטיי — 4, „אחדות" 1.

לובני (פאלט. גוב.):

ציוניסטען — 12, בונד — 3, פאראייניגטע — 3, פ"צ 1, „אגודת ישראל" — 5, פאלקספארטיי — 3.

סטאראקאנסטאנטינאוו (וואל. גוב):

ציוניסטען 7, „אגודת ישראל" — 7, בונד — 5, פ"צ — 4, בעלי-מלאכות — 2.

טשערקאס:

ציוניסטען — 10, פאראייניגטע — 7, בונד — 7 „אחדות" — 4, בעלי-מלאכות — 3, פ"צ — 2.

יעקאטערינאסלאוו:

ציוניסטען — 24, ארטאדאקסען — 10, פאראייניגטע — 7, בונד — 9, פאלקספארטיי — 5, פ"צ — 5.

פיריאטין:

פאראייניגטע — 8, ציוניסטען — 4, בונד — 4 פאלקס-פארטיי — 2, פ"צ — 2, אומפארט. — 3.

אמור-ניזשנעדנעפראווסק (פארשטאט פון יעקאטערינאסלאוו):

פאראייניגטע — 8, „צעירי-ציון" — 8, ציוניסטען — 5, „אחדות" — 2, פ"צ — 1.

האראדישטש (קיעוו. גוב):

„צעירי-ציון" — 5, פאראייניגטע — 3, בונד — 3, אידישער מיליטער-פארבאנד — 3.

פאסטאוו:

ציוניסטען — 9 בונד — 7, פאראייניגטע — 2, „אחדות" — 3, פ"צ — 2, פאלקספארטיי — 1.

אסטראג (וואל. גוב.):

פ"צ — 8, פאראייניגטע — 5, בונד — 5, ציוניסטען — 4,

יוזאווקע (יעקאטער. גוב.):

ציוניסטען — 24, בונד 12, פאראייניגטע — 11, פ"צ — 4, פאלקספארטיי — 3.

יעליסאוועטגראד:

ציוניסטען — 9, בונד — 4, פאראייניגטע — 3, איבעריגע צעטלען — 14.

סקווירע:

ציוניסטען — 12, „אחדות" — 11, סאציאליסטישער בלאק — 8, פאלקספארטיי — 1.

סטאווישטש (קיעוו. גוב).

ציוניסטען — 9, בונד — 5, „צעירי-ציון" — 4.

טאמאשפאל (פאד. גוב.).

פ"צ — 6, ציוניסטען — 5, בונד — 4.

די געשעהענישען אין חערסאן.

בשעת די לעצטע געשעהענישען אין חערסאן זיינען געפאלען זעהר א סך קרבנות. צווישען די הרוגים געפינען מיר פאלגענדע אידישע נעמען:

פאלינע ארשאווסקי, שמואל ארשאווסקי, מרדכי זילבערמאן, יצחק קעסעל, פראדקין, שארגאראדסקי, בנימין לאזאריעוויטש, לייבאוויטש, שיינין און סטודענט לעמפערט.

פארוואונדעט זיינען פאלגענדע פערזאנען: ישראל טאקס, יעקב סאמאילאוו, יצחק פאפער, מינא פאליאק, פריידה מרובעצקאיא, ס. לעווין, פ. דובענער, ה. ליבשיץ, וו. סריצקאיא, וואקס, ס. גאלדבערג, ל. גורעוויטש, י. פארטער.

א חוליגאנ׳שער „קאמענדאנט".

אין אסטיאר (טשערניג. גוב.) איעזד האט טעראריזירט די באפעלקערונג א פארשוין, וואס האט זיך אויסגעגעבען פאר א קאמענדאנט, און האט אבגעטאן שרעקליכע אכזריות׳ן אין די שטעטלאך בראוואר, גאגאלעווקע א. אנד. איצט האט ער אנגעהויבען אפערירען אין שטאט אסטיאר.

וועגען דעם האט די ציוניסטישע פראקציע פון דער צענטראלער ראדע געמעלדעט דעם קריגס-מיניסטעריום, וועלכעס נעמט אן מיטלען צו ליקווידירען די ווילדע מעשים פונ׳ם זעלבסטגעקרוינטען קאמענדאנט.

פאגראם אין סאווראן.

אין סאווראן (פאד. גוב.) איז פארגעקומען א שרעקליכער פאגראם. די ווילדקייט מיט דעם אכזריות פון די גוים איז גאר ניט צו באשרייבען. מ׳האט צוראבירט כמעט אלע אידישע קלייטען. כמעט א האלבע שטאט האט מען אנגעצונדען און פארברענט. דעם דאקטאר פון דער שטאט, קליין, האט מען אפגעשניטען ביידע הענט, צושניטען דאס פנים און איהם אנגעטאן שרעקליכסטע ליידען. דעם שוחט קיושנער האט מען אויסגעטאן נאקעט און מיט מוזיק האט מען איהם געטריבען איבער אלע גאסען מיט אייזערנע שטעקענס ביז ער איז אויסגעגאנגען. ד״ר קליין און קיושנער זיינען געווען די אנפירער פון דער אידישער זעלבסטשוץ.

פאגראם-שטימונגען אין קאלאניעס.

אין די קאלאניעס פון חערסאנער גוב. נאוואפאלטאווקע, יאוזקע א. אנד. זיינען פארגעקומען עקסצעסען קעגען אידען. אין דער קאלאניע יעפינגאר האט דער דארף-קאמיטעט וואס איז באלשעוויסטיש געשטימט רעקווירירט דעם בראנפען זאוואד און פארקויפט דעם בראנפען אלע איינוואוינער צו 2 רובל א פלאש. דער רעזולטאט איז געווען, אז דער שכור׳ער המון האט אנגעהויבען ראבעווען די אידישע הייזער. ס׳האט זיך ארגאניזירט א אידישע קאמפ-דרושינע, וועלכע האט ארויסגעוויזען א געהעריגען ווידערשטאנד די חוליגאנעס.

◆

אין דער אידישער וועלט.

עסטרייך.

א באגריסונג דער איקראינער רעפובליק.

דער ציוניסטישער אויספיר-קאמיטעט אין עסטרייך און דער עסטרייכישער אידישער נאציאנאלער פארבאנד האבען פארעפענטליכט א באגריסונג דער אוקראינער רעפובליק, אין וועלכער ס׳ווערט אויסגעדריקט די צופרידענהייט פון די עסטרייכישע אידען מיט דער זעלבסשטענדיקייט פון אוקראינע, וועלכע האט די ערשטע אנערקענט דאס אידישע פאלק פאר א פולבארעכטיגע נאציע און אויך אנערקענט דאס רעכט פון אידישען פאלק אויף פאלעסטינע.

די עסטרייכישע אידען דריקען אויס דעם וואונש, אז צווישען אוקראינע און עסטרייך וועלען געשאפען ווערען דויערענדע פריינדליכע באציהונגען.

די באגריסונג איז אונטערגעשריבען פונ׳ם באוואוסטען ציוניסטישען אנפירער אין עסטרייך ד״ר אדאלף שטאנד און פון אינזשינער ראבערט שטריקער.

די אידענפראגע אין רייכסראט.

אויף איינער פון די לעצטע זיצונגען פונ׳ם עסטרייכישען פארלאמענט האבען דעפוטאטען פון פארשידענע פארטייען ארויסגעזאגט זיך וועגען זייער שטעלונג בנוגע צו דער פוילישער פראגע. ס׳איז אויך ארויסגעטראטען דער ציוניסטישער דעפוטאט ד״ר בענגא שטרייכער, וועלכער האט אנגעוויזען אויף דער סכנה, וואס דראהט די גאליציאנער און בוקאווינער אידען, אויב די דאזיגע לענדער וועלען זיך פאראייניגען מיט פוילען.

„ס׳איז מעגליך, האט געזאגט ד״ר שטרייכער, קומען אן ידיעות, אז די צוויי און א האלב מיליאן אידען אין פוילען ווערען פארפאלגט, אונטערדריקט, באגרענעצט אויף אלע געביטען. דאס וועלען אויך באשטעטיגען אלע, ווער ס׳איז נאר ערליך..."

דערנאך האט ד״ר שטרייכער געשילדערט די שרעקליכע עלענד און נויט פונ׳ם גאליציאנער אידענטום, פון די ערטער הערען זיך אויסריפען: ליגען פאלען! געהט אין פאלעסטינע! און פארענדיגט זיין רעדע מיט די ווערטער:

„מיר, אידען, פארלאנגען די פולע אנטוויקלונג פון אונזערע רעכט, מיר פאדערן, אז ניט בלויז אונזערע שטימען, נאר אויך אונזער נאציאנאליטעט זאלט איהר אנערקענען!..."

פאגראם-העצע אין לעמבערג.

אין לעמבערג ווערען כסדר פארשפרייט אויפרופען, אין וועלכע די ניט-אידישע באפעלקערונג ווערט אויפגעהעצעט צו פאגראמען קעגען די אידען. דער דעפוטאט ברייטער האט וועגען דעם געהאט א געשפרעך מיט׳ן אינערן-מיניסטער גראף טאגענבורג, וועלכער האט צוגעזאגט אננעמען מיטלען געגען דער אנטיסעמיטישער העצע.

סאציאליסטישער אנטיסעמיטיזם.

דער אנטיסעמיטיזם האט זיך אין עסטרייך שטארק פארשפרייט. אויסער דער אלטער אנטיסעמיטישער „רייכספאסט" פארנעמט זיך מיט אנטיסעמיטישער העצע אויך די „ארבייטער-צייטונג" דער צענטראל-ארגאן פון דער דייטשער סאציאל-דעמאקראטיע אין עסטרייך. די דאזיגע צייטונג פירט אן, מיט א באזונדער בינה און שנאה די אויפהייצונג געגען אידען. דארט געפינען מיר אזעלכע קעפלעך: „דער תלמודישער פרייז-טרייבער" (ספעקולאנט), „דער [illegible] (היים-לאזער), אלס וואוכערער (פראצענטניק). ביי יעדער געלעגענהייט ווערען אנגערופען ספעציעל אידישע נעמען, ווי די הירשמאנס, די גאלדבערג׳ס...

„די אידען זיינען שולדיג אין אלע צרות" קלינגט איצט די עמודים פון דער צייטונג פונ׳ם אזוי מאוס און נידריג, ווי אין דער קאנסערוואטיווער „רייכספאסט".

עקסצעסען קעגען אידען.

פון פארשיידענע גאליציאנער שטעט קומען אן ידיעות וועגען פיינדליכע דעמאנסטראציעס קעגען די אידען. די דעמאנסטראציעס ווערען איינגעארדענט פון די פאליאקען צוליב שלום מיט אוקראינע. אין קראקוי, לעמבערג, רזשעשאוו האט מען געבראכען שויבען אין אידישע הייזער און געשלאגען אידען. דערביי האט מען פארשפרייט אויף די גאסען, און די שולען פאגראם-פראקלאמאציעס. אין דער דאזיגער „ארבעט" האט זיך באזונדערס אויסגעצייכענט די פוילישע סטודענטענשאפט.

אויף די גאליציאנער אייזענבאהנען רייסען זיך אריין באן-ארבעטער אין די צוגען און שלאגען אידען, וועלכע פארען אין די וואגאנעס.

דאס שלאגען די אידען איז דארט געווארען [illegible] אנ׳אויפגאבע. כמעט אין אלע וואגאנעס און קופעען שלאגט מען אידען. אויף זייערע געשרייען לייגט מען קיין אכט ניט: אפילו די קאנדוקטארען מאכען זיך נישט וויסענדיג.

„אידישע פריינד"...

מיט א צייט צוריק האט מען אין דער ווינער פרעסע אנגעהויבען שמועסען וועגען דער „אידענפריינדליכער" פאליטיק פון דעם ווינער שטאט-גאלאווא ווייסקירכנער. כדי זיך אפצורייניגען פון דעם דאזיגען „בלבול" האט דער אלטער רימער פון אנטיסעמיטיזם באשלאסען אנצוהויבען אין זיין צייטונג „רייכספאסט" אנפירען א שרעקליכע העצע געגען די אידען. אינ׳ם לעצטען נומער פון „רייכספאסט" זיינען אבגעדרוקט פינף ארטיקלען און נאטיצען געווידמעט די אידען. עס שטעלט זיך ארויס, אז די אידישע היימלאזע האבען פארכאפט גאנץ ווין, זיי האבען פארנומען אלע וואוינונגען אין האנדעלס-אונטערנעמונגען און צווינגען די געבוירענע ווינער איינוואוינער צו נעכטיגען בלומערשט אויף דער גאס. דערנאך האבען די אידען ספעקולאנטען פארכאפט אלע אנשטאלטען, וועלכע ארבעטען פאר דער ארמיי, און פארדינען מיליאנען אויפ׳ן חשבון פון דער מלוכה. די אידען הייבען די פרייזען אויף די לעבענס-פראדוקטען, עקספלאאטירען די ארבעטער אין זייערע פאבריקען און ווערקשטעטען א. ד. ג.

וועגען אידישען קאנגרעס אין עסטרייך.

אין ווין איז פארגעקומען א גרויסע אידישע פארזאמלונג וועגען צונויפרופען א אידישען קאנגרעס אין עסטרייך. די רעדנער, ווי אינזשענער שטריקער און ד״ר שטרייכער האבען אנגעוויזען אויף דער פארשטארקונג פונ׳ם אנטיסעמיטיזם און אויפגעפאדערט אלע צו פאראייניגען זיך אויפ׳ן נאציאנאלען באדען.

די פארזאמלונג האט אנגענומען א באשלוס, וועלכער באגריסט דאס צונויפרופען אין גיכען א אידיש-עסטרייכישען פאלקס-קאנגרעס. דער דאזיגער קאנגרעס זאל פאדערן נאציאנאלע רעכט פאר׳ן אידישען פאלק אין דער נייער עסטרייכישער קאנסטיטוציע.

קאנפערענץ פון „פועלי-ציון" אין עסטרייך.

סוף 1917 איז אין קראקוי פארגעקומען א פארטיי-קאנפערענץ פון די עסטרייכישע „פועלי-ציון". די ערעפענונגס-רעדע פון פארזיצער ד״ר ראזנער איז געווען געווידמעט דעם אנדענק פון ב. באראכאוו. דערנאך האט ה׳ ס. רודעל געגעבען א באריכט פון 11 חדשים טעטיגקייט פונ׳ם עסטרייכישען פארטיי-סעקרעטאריאט.

מיט א פארטראג וועגען די נאהענטסטע פאליטישע פראגען און וועגען דער אויפשטעלונג פון דער אידישער רואינירטער ווירטשאפט נאכ׳ן קריג איז ארויסגעטראטען ה׳ איגנאץ שיפער. ס׳איז אויך באהאנדעלט געווארען די אידיש-פוילישע פראגע. ה׳ א. דאוויד האט געהאלטען א רעפעראט וועגען דער ארבעט פאר דער פראפעסיאנעלער באוועגונג.

ס׳זיינען אנגענומען געווארען א רייהע פארשלאגען וועלכע זיינען איבערגעגעבען געווארען דעם ניי-אויסגעוועהלטען פארטיי-סעקרעטאריאט.

לעמבערגער „רעטונגס-קאמיטעט".

פון מארנאפאל זיינען עוואקואירט געווארען קיין יוניק 360 אידען, וועלכע געפינען זיך אין א שרעקליכער נויט, זיי האבען אפילו ניט קיין ארט וואו צו וואוינען אין ליידען פון דער אוממענשליכער באהאנדלונג מצד דער אדמיניסטראציע. די אומגליקליכע עוואקואירטע האבען געשיקט א דעלעגאציע קיין לעמבערג צום „רעטונגס-קאמיטעט", נאר ווען זיי זיינען געקומען אהינצו האט זיי דער טיר-וועכטער ניט אריינגעלאזט. שפעטער האט מען זיי געשיקט פון איין ארט אין צווייטען, זיי האבען אבער אין ערגיץ קיין הילף נישט באקומען.

אט אזוי האבען די גאליציש-אידישע „בעלי-צדקות" אין זינען די אומגליקליכע נויט- און הונגערליידענדע.

האלאנד.

אידישע פאדערונגען צום שלום-קאנגרעס.

פון אמסטערדאם מעלדעט מען, אז דארט איז איינגעארדענט געווארען א דעמאנסטראציע-פארזאמלונג פון די האלענדישע אידען. דער צוועק פון דער דעמאנסטראציע איז געווען צו פארמולירען די אידישע פאדערונגען צום שלום-קאנגרעס. די רעדנער האבען ארויסגעשטעלט און באגרינדעט די דריי פאדערונגען: בירגערליכע גלייכהייט, נאציאנאלע אויטאנאמיע און נאציאנאלע קאנצענטראציע אין פאלעסטינע. די דאזיגע רעזאלוציע איז אנגענומען געווארען. אין דער רעזאלוציע ווענדעט זיך די פארזאמלונג צו דער האלענדישער רעגירונג מיט א בקשה, אז זי זאל העלפען דורכפירען די אידישע פאדערונגען אויפ׳ן שלום-קאנגרעס.

די האלענדישע סאציאל-דעמאקראטען וועגען דער אידענפראגע.

דעם 18-טען פעברואר איז אין אמשטערדאם פארגעקומען אן עפענטליכע פארזאמלונג צו באטראכטען די אידענפראגע, וואס איז צונויפגערופען געווארען דורך דער סאציאל-דעמאקראטישער ארבעטער-פארטיי אין האלאנד. אויף דער פארזאמלונג זיינען ארויסגעטראטען דער ארבעטער-פירער עדוארד פאליאק, סענאטאר וואן קאל און אנד. די רעדנער האבען אנגעוויזען אויף דעם אינטערנאציאנאלען כאראקטער פון דער אידענפראגע און אז אין דער צייט פון מלחמה האט די פראגע געמאכט גרויסע פארשריט און איז נאהענט צו אנטשיידען ווערען אינ׳ם זין פון זעלבסטבאשטימונגס רעכט.

די געשעהנישען אין חערסאן.

בשעת די לעצטע געשעהענישען אין חערסאן זיינען געפאלען זעהר א סך קרבנות. צווישען די הרוגים געפינען מיר פאלגענדע אידישע נעמען:

פאלינע ארשאווסקי, פײוועל ארשאווסקי, מרדכי זילבערמאן, יצחק קעסעל, פראדקין, שארגאראדסקי, בנימין לאזארעוויטש, לייבאוויטש, שיינין און סטודענט לעמפערט.

פארוואונדעט זיינען פאלגענדע פערזאנען: ישראל מאקס, יעקב סאמאילאוו, יצחק פאפער, מינא פאליאק, פריידה מרזבעצקאיא, ס. לעווין, פ. דובענער, י. ליבשיץ, וו. סריצקאיא, וואקס, ס. גאלדבערג, ל. גורעוויטש, י. פארטער.

א חוליגאנ'שער „קאמענדאנט".

אין אסטיארער (טשערניג. גוב.) אייעזד האט טעראריזירט די באפעלקערונג א פארשוין, וואס האט זיך אויסגעגעבען פאר א קאמענדאנט, און האט אבגעטאן שרעקליכע אכזריות'ן אין די שטעטלאך בראווארי, גאנאלעווקע א. אנד. איצט האט ער אנגעהויבען אפעריר'ן אין שטאט אסטיאר.

וועגען דעם האט די ציוניסטישע פראקציע פון דער צענטראלער ראדע געמעלדעט דעם קריגס-מיניסטעריום, וועלכעס נעמט אן מיטלען צו ליקווידירען די ווילדע מעשים פונ'ם זעלבסטגעקרוינטען קאמענדאנט.

פאגראם אין סאוראן.

אין סאווראן (פאד. גוב.) איז פארגעקומען א שרעקליכער פאגראם. די ווילדקייט מיט דעם אכזריות פון די גוים איז גאר נים צו באשרייבען. מ'האט צוראבירט כמעט אלע אידישע קלייטען. כמעט א האלבע שטאט האט מען אנגעצונדען און פארברענט. דעם דאקטאר פון דער שטאט, קליין, האט מען אפגעשניטען ביידע הענט, צושניטען דאס פנים און אים אנגעטון שרעקליכסטע ליידען. זיין שווער קיזשנער האט מען אויסגעטון נאקעט און מיט מוזיק האט מען אים געטריבען איבער אלע גאסען מיט אייזערנע שטעקענס ביז ער איז אויסגעגאנגען. ד"ר קליין און קיזשנער זיינען געווען די אנפיהרער פון דער אידישער זעלבסטשוץ.

פאגראם-שטימונגען אין קאלאניעס.

אין די קאלאניעס פון חערסאנער גוב. נאוואפאלטאווקע, יאזוקע א. אנד. זיינען פארגעקומען עקסצעסען קעגען אידען. אין דער קאלאניע יעפינגאר האט דער דארף-קאמיטעט וואס איז באלשעוויסטיש געשטימט רעקווירירט דעם בראנפען זאוואד און פארקויפט דעם בראנפען אלע אינוואוינער צו 2 רובל א פלאש. דער רעזולטאט איז געווען, אז דער שכורער המון האט אנגעהויבען ראבעווען די אידישע הייזער. ס'האט זיך ארגאניזירט א אידישע קאמף-דרוזשינע, וועלכע האט ארויסגעוויזען א געהעריגען ווידערשטאנד די חוליגאנעס.

◆

אין דער אידישער וועלט.

עסטרייך.

א באגריסונג דער איקראינער רעפובליק.

דער ציוניסטישער אויספיר-קאמיטעט אין עסטרייך און דער עסטרייכישער אידישער נאציאנאלער פארבאנד האבען פארעפענטליכט א באגריסונג דער אוקראינער רעפובליק, אין וועלכער ס'ווערט אויסגעדריקט די צופרידענהייט פון די עסטרייכישע אידען מיט דער זעלבסטשטענדיקייט פון איקראינע, וועלכע האט די ערשטע אנערקענט דאס אידישע פאלק פאר א פולבארעכטיגטע נאציע און אויך אנערקענט דאס רעכט פון אידישען פאלק אויף פארעקסיסטענץ.

די עסטרייכישע אידען דריקען אויס זייער האפנונג, אז צווישען אוקראינע און עסטרייך וועלען געשאפען ווערען דויערענדע פריינדליכע באציהונגען.

די באגריסונג איז אונטערגעשריבען פונ'ם באוואוסטען ציוניסטישען אנפירער אין עסטרייך ד"ר אדאלף שטאנד און פון אינזשינער ראבערט שטריקער.

די אידענפראגע אין רייכסראט.

אויף איינער פון די לעצטע זיצונגען פונ'ם עסטרייכישען פארלאמענט האבען דעפוטאטען פון פארשידענע פארטייען ארויסגעזאגט זיך וועגען זייער שטעלונג בנוגע צו דער פוילישער פראגע. ס'איז אויך ארויסגעטראטען דער ציוניסטישער דעפוטאט ד"ר בענא שטרייכער, וועלכער האט אנגעוויזען אויף דער סכנה, וואס דראהט די גאליציאנער און בוקאווינער אידען, אויב די דאזיגע לענדער וועלען זיך פאראייניגען מיט פוילען.

„ס'איז מעגליך, האט געזאגט ד"ר שטרייכער קומען אין ידיעות, אז די צווי און א האלב מיליאן אידען אין פוילען ווערען פארפאלגט, אונטערדריקט, באגרענעצט אויף אלע געביטען. דאס וועלען אויך באשטעטיגען אלע, ווער ס'איז נאר ערליך..."

דערנאך האט ד"ר שטרייכער געשילדערט די שרעקליכע עלענד און נויט פונ'ם גאליציאנער אידענטום (פון די ערטער [illegible] געהט אין פאלעסטינא) און פארענדיגט זיין רעדע מיט די ווערטער:

„מיר, אידען, פארלאנגען די פולע אנטוויקלונג פון אונזערע רעכט, מיר פאדערן, אז נישט בלויז אונזערע שטימען, נאר אויך אונזער נאציאנאליטעט זאלט איהר אנערקענען!".

פאגראם-העצע אין לעמבערג.

אין לעמבערג ווערען כסדר פארשפרייט אויפרופען, אין וועלכע די ניט אידישע באפעלקערונג ווערט אויפגעהעצעט צו פאגראמען קעגען די אידען. דער דעפוטאט ברייטער האט וועגען דעם געהאט א געשפרעך מיט'ן אינערן-מיניסטער גראף טאגענבורג, וועלכער האט צוגעזאגט אנצונעמען מיטלען קעגען דער אנטיסעמיטישער העצע.

סאציאליסטישער אנטיסעמיטיזם.

דער אנטיסעמיטיזם האט זיך אין עסטרייך שטארק פארשפרייט. אויסער דער אלטער אנטיסעמיטישער „רייכספאסט" פארנעמט זיך מיט אנטיסעמיטישער העצע אויך די „ארבייטער-צייטונג" דער צענטראל ארגאן פון דער דייטשער סאציאל-דעמאקראטיע אין עסטרייך. די דאזיגע צייטונג פירט אן מיט א באזונדער בינה און שנאה די אויפרייצונג קעגען אידען. דארט געפינען מיר אזעלכע קעפלעך: „דער תלמודיסט אלס פרייז-טרייבער" (ספעקולאנט), „דער [illegible] ([illegible]-לאויער) אלס וואוכערער" (פראצענטניק). ביי יעדער געלעגענהייט ווערען אנגערופען ספעציעל אידישע נעמען, ווי די הירשמאנ'ס, די גאלדבערג'ס...

„די אידען זיינען שולדיג אין אלע צרות" קלינגט איצט אויף די עמודים פון דער צייטונג פונקט אזוי מיאוס און נידריג, ווי אין דער קאנסערוואטיווער „רייכספאסט".

עקסצעסען קעגען אידען.

פון פארשיידענע גאליצישע שטעט קומען אן ידיעות וועגען פיינדליכע דעמאנסטראציעס קעגען די אידען. די דעמאנסטראציעס ווערען איינגעארדענט פון די פאליאקען צוליבן שלום מיט אוקראינע. אין קראקוי, לעמבערג, רזשעשאוו האט מען געבראכען שויבען אין אידישע הייזער און געשלאגען אידען. דערביי האט מען פארשפרייט אויף די גאסען און די שולען פאגראם-פראקלאמאציעס. אין דער דאזיגער „ארבעט" האט זיך באזונדערס אויסגעצייכענט די פוילישע סטודענטענשאפט.

אויף די גאליצישע אייזענבאנען רייסען זיך ארויין באנארבעטער אין די צוגען און שלאגען אידען, וועלכע פארען אין די וואגאנעס.

דאס שלאגען די אידען איז דארט געווארען ווי אנ'אויפגאבע. כמעט אין אלע וואגאנעס און קופעען שלאגט מען אידען. אויף זייערע געשרייען גיבט מען קיין אכט ניט; אפילו די קאנדוקטארען מאכען זיך נישט וויסענדיג.

„אידישע פריינד"...

מיט א צייט צוריק האט מען אין דער וויענער פרעסע אנגעהויבען שמועסען וועגען דער „אידענפריינדליכער" פאליטיק פון דעם וויענער שטאט-גאלאווא ווייסקירכנער. כדי זיך אפצווייזען פון דעם דאזיגען „בלבול" האט דער אלטער ריטער פון אנטיסעמיטיזם באשלאסען אנצוהייבען אין זיין צייטונג „רייכספאסט" אנפירען א שרעקליכע העצע קעגען די אידען. אינ'ם לעצטען נומער פון „רייכספאסט" זיינען אבגעדרוקט פינף ארטיקלען און נאטיצען געווידמעט די אידען. עס שטעלט זיך ארויס, אז די אידישע היימלאזע האבען פארכאפט גאנץ ווין. זיי האבען פארנומען אלע וואוינונגען אין האנדעלס-אונטערנעמונגען און צווינגען די געבוירענע ווינער איינוואוינער צו נעכטיגען כלומרשט אויף דער גאס. דערנאך האבען די אידען ספעקולאנטען פארכאפט אלע אנשטאלטען, וועלכע ארבעטען פאר דער ארמיי, און פאדינען מיליאנען אויפ'ן חשבון פון דער מלוכה. די אידען הייבען די פרייזען אויף די לעבענס-פראדוקטען, עקספלאאטירען די ארבעטער אין זייערע פאבריקען און ווערקשטאטען א. ד. ג.

וועגען אידישען קאנגרעס אין עסטרייך.

אין ווין איז פארגעקומען א גרויסע אידישע פארזאמלונג וועגען צונויפרופען א אידישען קאנגרעס אין עסטרייך. די רעדנער, ווי אינזשענער שטריקער און ד"ר שטרייכער האבען אנגעוויזען אויף דער פארשטארקונג פונ'ם אנטיסעמיטיזם און אויפגעפאדערט אלע צו פאראייניגען זיך אויפ'ן נאציאנאלען באדען.

די פארזאמלונג האט אנגענומען א באשלוס, וועלכער באגריסט דאס צונויפרופען איינגיכען א אידיש-עסטרייכישען פאלקס-קאנגרעס. דער דאזיגער קאנגרעס זאל פאדערן גאראנטיעס פון נאציאנאלע רעכט פאר'ן אידישען פאלק אין דער נייער עסטרייכישער קאנסטיטוציע.

קאנפערענץ פון „פועלי-ציון" אין עסטרייך.

סוף 1917 איז אין קראקוי פארגעקומען א פארטיי-קאנפערענץ פון די עסטרייכישע „פועלי-ציון". די ערעפענונגס-רעדע פון פארזיצער ד"ר ראזנער איז געווען געווידמעט דעם אנדענק פון ב. בארוכאוו. דערנאך האט ה' ס. רודעל געגעבען א באריכט פון 11 חדשים טעטיגקייט פונ'ם עסטרייכישען פארטיי-סעקרעטאריאט.

מיט א פארטראג וועגען די נאהענטסטע פאליטישע פראגען און וועגען דער אויפשטעלונג פון דער אידישער רואינירטער ווירטשאפט נאכ'ן קריג איז ארויסגעטראטען ה' איגנאץ שיפער. ס'איז אויך באהאנדעלט געווארען די אידיש-פוילישע פראגע. ה' א. דאוויד האט געהאלטען א רעפעראט וועגען דער ארבעט פאר דער פראפעסיאנעלער באוועגונג.

ס'זיינען אנגענומען געווארען א רייהע פארשלאגען וועלכע זיינען איבערגעגעבען געווארען דעם ניי-אויסגעוועהלטען פארטיי-סעקרעטאריאט.

לעמבערגער „רעטונגס-קאמיטעט".

פון טארנאפאל זיינען עוואקואירט געווארען קיין ווינניק 360 אידען, וועלכע געפינען זיך אין א שרעקליכער נויט, זיי האבען אפילו נים קיין ארט וואו צו וואוינען און ליידען פון דער אונמענשליכער באהאנדלונג מצד דער אדמיניסטראציע. די אומגליקליכע עוואקואירטע האבען געשיקט א דעלעגאציע קיין לעמבערג צום „רעטונגס-קאמיטעט", נאר ווען זיי זיינען געקומען אהינצו האט זיי דער טיר-וועכטער נים אריינגעלאזט. שפעטער האט מען זיי געשיקט פון איין ארט אין צווייטען, זיי האבען אבער אין ערגיץ קיין הילף נישט באקומען.

אט אזוי האבען די גאליציש-אידישע „בעלי-צדקות" אין ווינען די אומגליקליכע נוים און הונגערלידענדע.

האלאנד.

אידישע פאדערונגען צום שלום-קאנגרעס.

פון אמסטערדאם מעלדעט מען, אז דארט איז איינגעארדענט געווארען א דעמאנסטראציע-פארזאמלונג פון די האלענדישע אידען. דער צוועק פון דער דעמאנסטראציע איז געווען צו פארמולירען די אידישע פאדערונגען צום שלום-קאנגרעס. די רעדנער האבען ארויסגעשטעלט און באגרינדעט די דריי פאדערונגען: בירגערליכע גלייכהייט, נאציאנאלע אויטאנאמיע און נאציאנאלע קאנצענטראציע אין פאלעסטינא. די דאזיגע רעזאלוציע איז אנגענומען געווארען. אין דער רעזאלוציע ווענדעט זיך די פארזאמלונג צו דער האלענדישער רעגירונג מיט א בקשה, אז זי זאל העלפען דורכצופירען די אידישע פאדערונגען אויפ'ן שלום-קאנגרעס.

די האלענדישע סאציאל-דעמאקראטען וועגען דער אידענפראגע.

דעם 18-טען פעברואר איז אין אמשטערדאם פארגעקומען אן עפענטליכע פארזאמלונג צו באטראכטען די אידענפראגע, וואס איז צונויפגערופען געווארען דורך דער סאציאל-דעמאקראטישער ארבעטער-פארטיי אין האלאנד. אויף דער פארזאמלונג זיינען ארויסגעטראטען דער ארבעטער-פירער עדוארד פאליאק, סענאטאר וואן קאל און אנדערע. די רעדנער האבען אנגעוויזען אויף דעם אינטערנאציאנאלען כאראקטער פון דער אידענפראגע און אז אין דער צייט פון מלחמה האט די פראגע געמאכט גרויסע פארשריט און איז נאהענט צו אנטשיידען ווערען אינ'ם זין פון זעלבסטבאשטימונגס רעכט.

זיהר שארף האבען די רעדנער זיך ארויסגעזאגט וועגען דער פוילישער סאציאל־דעמאקראטיע, וואס איז אנטיסעמיטיש געשטימט.

סענאטאר וואן קאל האט אגב אנגעוויזען, אז מ'קאן ניט מוחל זיין טראצקי'ן, וואס ער האט אין בריסק קיין איין ווארט נישט געזאגט לטובה זיינע שטאט־גענאסען.

———

דייטשלאנד.

די „שטאאטס־בירגער צייטונג" איז „באליידיגט".

די באקאנטע אנטיסעמיטישע „שטאאטסבירגער־צייטונג" אין בערלין האט זיך לעצטענס געפונען באליידיגט דערפאר, וואס מען באשולדיגט זי אין אנטיסעמיטיזם. „זי איז,—טענה'ט די צייטונג,—נישט אנ'אנטיסעמיטישע, נאר אויסשליסליך א דייטשע פאלקס־צייטונג". ס'איז זעהר אינטערעסאנט די ערקלערונגען, וואס די צייטונג ברענגט דערביי.

„אנ'אנטיסעמיט איז א פערזאן, וועלכע האסט די סעמיטען (אידען, אראבער, ארמענער) פונקט אזוי ווי דער אנטיגערמאנער איז דער, וועלכער האסט די דייטשען. די אנטיסעמיטען אנערקענען ניט קיינע דיפערענצירונג אין אידענטום. פארשטעהט זיך, אז אזא שטאנדפונקט מאכט זעהר איינפאך די פאליטיק, ער איז אבער אינגאנצען נישט ריכטיג, ווייל דאס אידענטום איז ניט קיין איינהייטליכע מאסע, נאר באשטעהט פון פארשידענע פאליטישע און נאציאנאלע גרופען. מיר באטראכטען ניט די אידענפראגע אלס א מאראלישע פראבלעם, ווי די אנטיסעמיטען טוען דאס, אונז ארען אויך נישט די נאציאנאלע שטרעבונגען פון די אידען און ציוניסטישען גייסט. די „שטאאטסבירגערצייטונג" טרעט נאר ארויס געגען די דייטשפיינדליכע אידישע כלומרשט־אסימילאטארען, וועלכע שטעלען זיך ארויס אלס געטרייע דייטשען, אין דער אמת'ן אינטריגירען זיי פאר די ענגליש־פראנצויזישע מלחמה־ציל'ן.

דעם אנטיסעמיטיזם אלס זעלבסטצוועק רעכנען מיר פאר א נארישקייט. דער קאמף דארף נאר זיין א מיטעל צום צוועק און מוז זיין געווענדעט געגען די אידען, וועלכע שטערען דעם דייטשען פאלק צו דערגרייכען זיינע „לעבענסנויטווענדיקייטען".

די „שטאאטסבירגערצייטונג" גיט צו, אז אט די שטאנדפונקטען, וואס זי זאגט דא ארויס, פירט זי שטענדיג דורך אין אירע ארטיקלען און דעריבער וואלטען שוין אלע געדארפט וויסען, אז זי איז ניט אנטיסעמיטיש.

פארשטעהט זיך, די „שטאאטסבירגערצייטונג" איז חלילה ניט אנטיסעמיטיש—זי האט אבער נאר פיינט אידען.

רודאלף מאסע—עהרענדאקטאר.

דער יורידישער פאקולטעט פון היידעלבערגער אוניווערסיטעט האט געגעבען דעם פארלעגער פון „בערלינער טאגעבלאט" רודאלף מאסע דעם טיטעל פון א עהרענדאקטאר.

דער מאלער לעאפאלד האראוויץ

וועגען דעם בארימטען קונסט־מאלער לעאפאלד האראוויץ, וועלכער איז געשטארבען אין עלטער פון 80 יאר, דערצעהלען די עסטרייכיש־אידישע צייטונגען פאלגענדעס: ער איז געבוירען געווארען אין ראזנאני (ביי קאשוי) אין יאר 1838, און איז געוועזען א זוהן פון א ווײנהענדלער. זיין קינסטלערישע אויסבילדונג האט ער באקומען פון 1853 ביז 1860 אין ווין ביי די פראפעסארען גייגער, מייער און ווארצינגער. נאך לענגערע רייזען קיין בערלין, דרעזדען, מינכען, האט ער זיך באזעצט אין ווין ווא ער האט זיך פארשאפט א נאמען אלס פארטרעט־מאלער. ער האט געשאפען דאס באקאנטע בילד פון קייזער פראנץ־יאזעף, פירשטין סאפיע, גרעפין פאן דער גרעבען, מארין יאקיי, געארג בראנדעס. אין 1868 איז דער קינסטלער געפארען קיין ווארשא, וואו ער האט שטודירט דאס לעבען און טיפען פון דער אידישער באפעלקערונג. די פרוכט דערפון זיינען די גרויסארטיגע שאפונגען פון אידישען לעבען און אויפ'ן ערשטען פלאן דאס בילד פון תשעה־באב אין א פוילישער סינאגאגא, דאס איז דאס גרעסטע און פיגורענרייכסטע בילד, וואס דער קינסטלער האט געשאפען. אנדערע באקאנטע בילדער זיינען: „דער פוילישער לעהרער", „דער שעור גמרא".

צענטראל־ארגאן פון אידישע צדקה־חברות אין דייטשלאנד.

אין בערלין האט זיך געגרינדעט א צענטראלע געזעלשאפט, וואס פאראייניגט אלע אידישע צדקה־חברות אין דייטשלאנד. די געזעלשאפט האט שוין אבגעהאלטען עטליכע זיצונגען און האט שוין קאנסטיטואירט דעם פרעזידיום און די פארוואלטונג. ס'ווערען פארגענומען א רייהע ארגאניזאציאנס־ארבייטען, ווי אויך עס ווערען איינגעארדענט פערשידענע רעפעראטען וועגען דער צדקה־פראגע.

פאראיין צו באקעמפען דעם אנטיסעמיטיזם.

אין בערלין איז פארגעקומען אנ'אלגעמיינע פארזאמלונג פונ'ם „פאראיין צו באקעמפען דעם אנטיסעמיטיזם", אויף וועלכער ס'איז באשטעטיגט געווארען דער טעטיגקייטס־באריכט פון פאריגען יאר. ס'זיינען פארגעקומען וואהלען פון די קאמיטעט־מיטגלידער און באשלאסען געווארען באאיינפלוסען חשובע אויטאריטעטען אנצושרייבען איניגע שריפטען און בראשירען, וועלכע זאלען זיין צוגעפאסט צו די פארשטעהענדע וואהלען אין רייכסטאג און לאנדטאג.

———

פוילען.

קאנפערענץ פון אייגענטימער פון אידישע מיטעל־שולען אין פוילען.

לויט דער איניציאטיווע פון לאדזער אייגענטימער פון אידישע מיטעל־שולען איז אין לאדז פארגעקומען א קאנפערענץ פון אידישע מיטעל־שולען, אויף וועלכער ס'איז באשלאסען געווארען צו שאפען א פאראיין און אויסארבייטען א געמיינזאמען פראגראם פאר די שולען.

די נויט אין גאליציע.

די נויט אין גאליציען, באזונדערס צווישען דער אידישער באפעלקערונג, איז עד היום א שרעקליכע. דארט הערשט א מורא'דיגער הונגער. ביז דער לעצטער צייט פלעגט נאך אנקומען הילף פון די האלענדישע אידען, אויף וועמ'ס געלט ס'זיינען אויסגעהאלטען געווארען אסך ביליגע קיכען, ארבעט־ביוראען און אנדערע הילפס־אינסטיטוציעס. אצינד זיינען די גאליציאנער אידען געבליבען אהן שום הילף פון דרויסען. אונטער דער השפעה פון רוסישען אידענטום האט דאס גאליציאנער אידענטום, וואס איז שטענדיג געווען אבגעשטאנען און אבגעלאזען, געהאט אנגעהויבען זיך צו ארגאניזירען און שאפען ארגאנען פאר ברייטער סאציאלער און פילאנטראפישער הילף; די גאליצישע באפעלקערונג איז אבער אזוי פארארעמט געווארען, אז כלה פרוטה מן הכיס און ס'איז ניטא מיט וואס צו פירען די געזעלשאפטליכע טעטיגקייט.

דערצו קומען נאך אפט פאר געצוואונגענע רעקוויזיציעס און די רעגירונג ערלויבט ניט אפלאזען די סאלדאטען אויף ערד־ארבעט. די באפעלקערונג האט זיך שוין נישט איינמאל געווענדעט צו דער רעגירונג מיט א בקשה נאך שטיצע און הילף, אבער קיין שום ענטפער איז דארויף ניטא.

אמעריקאנער הילף פאר פוילען.

קיין פוילען איז אנגעקומען א דעלעגאט פונ'ם האלענדישען אידישען הילפס־קאמיטעט ה' ראאלטע, וועלכער האט די אויפגאבע צו רעגולירען די פארטיילונג פונ'ם אמעריקאנער געלד, וואס קומט אן פאר די נויטליידענדע. ד"ר ראאלטע האט באקומען א דירעקטיוו פון די אמעריקאנער אידען צו שאפען אין יעדער גרעסערער שטאט אין פוילען באזונדערע ארטיגע הילפס־קאמיטעטען, אין וועלכע ס'זאלען זיין פערטרעטען אלע פארטייען און ריכטונגען פון דער יודישער געזעלשאפט.

גמינע־שייער אין ווארשא.

די חובות פון דער ווארשעווער גמינע (קהלה) באטרעפען שוין אן ערך דרייטהאלבען מיליאן מארק. די לעצטע פאר יאר האט מען זעהר נישט פונקטליך געצאלט דעם גמינע־שטייער (קהלה־נאלאג) און דערפאר האבען זיך אנגעקליבען אזעלכע גרויסע חובות. אצינד איז די גמינע־קאסע געבליב'ן כמעט אינגאנצען אהן געלד־מיטלען און דעריבער איז מען צוגעטראטען איינמאנען דעם גמינע־שטייער. אסך שטייער־צאלער באצאלען איצט זייער סכום, אנדערע ווידער באצאלען א טייל פון חוב און זאגען צו דעם רעשט איינגיבען צו באצאלען. אין א קליינער צאל פאלען ווען עס ווייזט זיך ארויס, אז די שטייער־צאלער האבען געליטען פון דער מלחמה, פארקלענערט מען די סומע אדער מ'באפרייט זיי אינגאנצען. געגען די, וואס ווילען ניט צאלען, הגם זיי פארדינען גוט, ווערען אנגענומען שטרענגע מיטלען.

———

רומעניען.

דער קאמף פאר אידישע רעכט.

ווי ס'טיילט מיט די עסטרייכישע פרעסע האבען אסך באקאנטע פאליטיקער, ווי גראף טיסא, פאן זאן (פרעזידענט פון אונגארישען פארלאמענט), גראף וועקערלע און אנדערע ארויסגעזאגט זיך דערפאר, אז בשעת די שלום־פערהאנדלונגען מיט רומעניען זאל אומבאדינגט בעריהרט ווערען די פראגע וועגען דער גלייכבארעכטיגונג פון די רומענישע אידען.

בשעת דער אודיענץ פונ'ם וויענער בירגערמייסטער ווייסקירכנער מיט די מיטגלידער פון שטאט־ראט ביים מיניסטער פאר אויסערליכע ענינים, האט גראף טשערנין צווישען אנדערעס ערקלערט, אז לויט'ן שלום־אבמאך מיט רומעניען ווערען די אידען אנערקענט פאר גלייכבארעכטיגטע בירגער פון רומעניען. גראף טשערנין האט אויך געזאגט, אז ס'איז פאראן ידיעות, אז די באפעלקערונג פון בעסאראביע וואלט געוואונשען א נאהענטערען צוזאמענבונד מיט רומעניען, און קעגען דעם קאן עסטרייך־אונגארן גאר ניט זאגען.

אין שטאקהאלמער „סאציאל־דעמאקראטען" איז אבגעדרוקט אנ'ארטיקעל פונ'ם אידישען זשורנאליסט ב. לאקער וועגען דעם שלום און דער אידענפראגע אין רומעניען. צוליב די רדיפות אויף די אידען ווערט אינ'ם ארטיקעל געפאדערט עס זאל געשאפען ווערען אנ'אינטערנאציאנאלער אינסטיטוט, צו וועלכען די רומענישע אידען זאלען זיך קאנען ווענדען אין יעדער צייט, ווען זייער גלייכבארעכטיגקייט וועט זיין אין סכנה.

דער פרעמיער־מיניסטער פון דער באלגארישער רעגירונג האט אין פארלאמענט איבערגעגעבען פאלגענדעס: „די בולגארען פארבלייבען ביי זייערע בעסטע באציהונגען צו די אידען. די אידען האבען ביי אונז פילשטענדיג גלייכע רעכט. אויפ'ן שלאכט־פעלד האבען זיי ארויסגעוויזען גלענצענדע העלדישקייטען און פאטריאטיזם. אין אונזערע אונטערהאנדלונגען מיט רומעניען וועלען מיר פאדערען, אז רומעניען זאל גאראנטירען אלע רעכט פאר אידען".

א דעלעגאציע פון אמעריקאנישען פאראיין פאר די רעכט פון די רומענישע אידען איז איינגענומען געווארען פון פרעזידענט ווילסאן. די דעלעגאציע איז באשטאנען פון ד"ר זינגלשטיין, וואלפסאן, עדווארד העדבערט, קאלמאן, ד"ר בעלעבער, גאלדענבורג פון פילאדעלפיע און פינק פון וואשינגטאן.

דער פרעזידענט האט זיך פאראינטערעסירט מיט די ידיעות פון דער דעלעגאציע און האט געשטעלט א רייהע פראגען וועגען דער לאגע פון די אידען אין רומעניען. די דעלעגאציע האט צוגעשטעלט א רייהע דאקומענטען וועגען דער לאגע פון די אידען אין רומעניען.

די רומענער האבען אנגעהויבען „באארבעטען די געזעלשאפטליכע מיינונג" אין בעסאראביען, שטרעבענדיג ארויסרופען סימפאטיע צו זייערע פלענער. די רומענישע מאכט באנוצט דערביי פארשידענע שרעק־מיטלען און אנדערע נידעריגע מעטאדען, ווי הניפה בנוגע צו די געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס. באזונדערס איז מען זיך „מתעסק" מיט דער גרעסטער אידישער קהלה אין קישינעוו, וועלכע ערווארטעט שוין מיט ציטער די אנטשיידונג פון דער פראגע.

אבזורות אין בעסאראביע.

די רומענער ווילדעווען אין בעסאראביע אהן א שום רחמנות, איבערהויפט ליידט פון זיי די אידישע באפעלקערונג; מיט „די זשידאמעס" צערעמאניעט מען זיך גארניט.

פון פארשידענע ערטער ווי בעלץ, סאראקי, יעדינעץ (האטינער אויעזד), רישקאן, אקניצע א. אנד. קומען צו אונז אן ידיעות וועגען אבזורותדיגע מעשים פון די רומענער. דא האט מען געגעבען שמיץ א מיידעל, דארט האט מען דערשאסען א אידען א. אז. וו. בלויז דערפאר, וואס זיי האבען ניט אבגעגעבען קיין „טשעסט" די רומענישע אפיצירען. די אידישע באפעלקערונג ווערט דורך די נייע בעלי־בתים געצוואונגען צו שווערע ארבעטען און ווערט בסדר שרעקליך טעראריזירט. פאר ניט פאלגען א מינדעסטען באפעהל גיט מען באלד שמיץ. אומעטום קומען פאר שרעקליכע רציחות. נאר אין האטינער אויעזד, וועלכער איז אקופירט דורך די עסטרייכער, אטעמט מען א ביסעל פרייער אב, מאסענווייז אנטלויפט מען אהין פון די בעסאראבער שטעט און שטעטלאך.

אין שטעטעל יעדינעץ האט דער קאמענדאנט ארויסגעגעבען א באפעהל, אז רומענישע אפיצירען דארפען באגעגנט ווערען דורך דער באפעלקערונג פון יעדינעץ אויפשטעהענדיג זיך אויפ'ן ארט מיט'ן פנים צו אים און שנעל, מיט א שמייכעל אויף דעם געזיכט אראבנעמען דאס היטעל און נייגען ביז צו דער ערד.

כדי צו לערנען דער באפעלקערונג ווי געהעריג צו ערפילען אט דעם באפעל טראגט מען יעדען טאג אין פארשידענע גאסען דאס היטעל פון קאמענדאנט און אלע מוזען זיך בוקען צו איר לויט דעם ערשטען פונקט פונ'ם באפעל.

זעהר שאַרף האבען די רעדנער זיך ארויסגעזאגט וועגען דער פוילישער סאציאל-דעמאקראטיע, וואס איז אנטיסעמיטיש געשטימט.

סענאטאר וואן קאל האט אגב אנגעוויזען, אז מ'קאן ניט מוחל זיין טראצקי'ן, וואס ער האט אין ברעסק קיין איין ווארט נישט געזאגט לטובת זיינע שטאם-גענאסען.

— — —

דייטשלאַנד.

די „שטאאטס-בירגער צייטונג" איז „באליידיגט".

די באקאנטע אנטיסעמיטישע „שטאאטסבירגער-צייטונג" אין בערלין האט זיך לעצטענס געפונען באליידיגט דערפאר, וואס מען באשולדיגט זי אין אנטיסעמיטיזם. „זי איז,—מיינה'ט די צייטונג,—נישט אנ'אנטיסעמיטישע, נאר אויסשליסליך א דייטשע פאלקס-צייטונג". ס'איז זעהר אינטערעסאנט די ערקלערונגען, וואס די צייטונג ברענגט דערביי.

„אנ'אנטיסעמיט איז א פערזאן, וועלכע האסט די סעמיטען (אידען, אראבער, ארמענער) פונקט אזוי ווי דער אנטיגערמאנער איז דער, וועלכער האסט די דייטשען. די אנטיסעמיטען אנערקענען ניט קיינע דיפערענצירונג אין אידענטום. פארשטעהט זיך, אז אזא שטאנדפונקט מאכט זעהר איינפאך די פאליטיק, ער איז אבער אינגאנצען נישט ריכטיג, ווייל דאס אידענטום איז ניט קיין איינהייטליכע מאסע, נאר באשטעהט פון פארשידענע פאליטישע און נאציאנאלע גרופען. מיר באטראכטען ניט די אידענפראגע אלס א מאראלישע פראבלעם, ווי די אנטיסעמיטען טוען דאס, אונז ארט אויך נישט די נאציאנאלע שטרעבונגען פון די אידען און ציוניסטישען גייסט. די „שטאאטסבירגערצייטונג" טרעט נאר ארויס געגען די דייטשפיינדליכע אידישע כלומרשט-אסימילאטארען, וועלכע שטעלען זיך ארויס אלס געטרייע דייטשען, אין דער אמת'ן אגיטירען זיי פאר די ענגליש-פראנצויזישע מלחמה-צילן.

דעם אנטיסעמיטיזם אלס זעלבסטצוועק רעכנען מיר פאר א נארישקייט. דער קאמף דארף נאר זיין א מיטעל צום צוועק און מוז זיין געווענדעט געגען די אידען, וועלכע שטערען דעם דייטשען פאלק צו דערגרייכען זיינע „לעבענסנויטווענדיקייטען"".

די „שטאאטסבירגערצייטונג" גיט צו, אז אט די שטאנדפונקטען, וואס זי זאגט דא ארויס, פירט זי שטענדיג דורך אין אירע ארטיקלען און דעריבער וואלטען שוין אלע געדארפט וויסען, אז זי איז ניט אנטיסעמיטיש.

פארשטעהט זיך, די „שטאאטסבירגערצייטונג" איז חלילה ניט אנטיסעמיטיש— זי האט אבער נאר פיינט אידען.

רודאָלף מאָססע—עהרענדאָקטאָר.

דער יורידישער פאַקולטעט פון היידעלבערגער אוניווערסיטעט האט געגעבען דעם פארלעגער פון „בערלינער טאגענבלאט" רודאָלף מאָססע דעם טיטעל פון א עהרענדאָקטאָר.

דער מאַלער [illegible] האָראָוויץ

וועגען דעם בארימטען קונסט-מאלער לעאָפּאָלד האָראָוויץ, וועלכער איז געשטאָרבען אין עלטער פון 80 יאָר, דערצעהלען די עסטרייכיש-אידישע צייטונגען פאָלגענדעס: ער איז געבוירען געוואָרען אין ראָזגאָני (ביי קאָשוי) אין יאָר 1838, און איז געוועזען א זוהן פון א וויין-הענדלער. זיין קינסטלערישע אויסבילדונג האָט ער באַקומען פון 1853 ביז 1860 אין ווין ביי די פראָפעסאָרען גייגער, מייער און וואורצינגער. נאָך לענגערע רייזען קיין בערלין, דרעזדען, מינכען, האָט ער זיך באַזעצט אין ווין וואו ער האָט זיך פאַרשאַפט א נאָמען אלס פאָרטרעט-מאָלער. ער האָט געשאַפען דאָס באַקאַנטע בילד פון קייזער פראַנץ-יאָזעף, פירשטין סאָפיע, גרעפין פאָן דער גרעבען, מארין יאָקיי, געאָרג בראַנדעס. אין 1868 איז דער קינסטלער געפאָהרען קיין וואַרשאַ, וואו ער האָט שטודירט דאָס לעבען און טיפען פון דער אידישער באַפעלקערונג. די פרוכט דערפון זיינען די גרויסאַרטיגע שאַפונגען פון אידישען לעבען און אויפ'ן ערשטען פלאַן דאָס בילד פון תשעה באָב אין א פוילישער סינאַגאָגע, דאָס איז דאָס גרעסטע און פיגורענרייכסטע בילד, וואָס דער קינסטלער האָט געשאַפען. אַנדערע באַקאַנטע בילדער זיינען: „דער פוילישער לעהרער", „דער שעור גמרא".

צענטראַל-אָרגאַן פון אידישע צדקה-חברות אין דייטשלאַנד.

אין בערלין האָט זיך געגרינדעט א צענטראַלע געזעלשאַפט, וואָס פאַראייניגט אַלע אידישע צדקה-חברות אין דייטשלאַנד. די געזעלשאַפט האָט שוין אָבגעהאַלטען עטליכע זיצונגען און האָט שוין קאָנסטיטואירט דעם פּרעזידיום און די פאַרוואַלטונג. ס'ווערען פאָרגענומען א רייהע אָרגאַניזאַציאָנס-אַרבייטען ווי אויך עס ווערען איינגעאָרדנעט פערשיעדענע רעפעראַטען וועגען דער צדקה-פראַגע.

פאַראיין צו באַקעמפען דעם אנטיסעמיטיזם.

אין בערלין איז פאָרגעקומען אנ'אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פונ'ם „פאַראיין צו באַקעמפען דעם אַנטיסעמיטיזם", אויף וועלכער ס'איז באַשטעטיגט געוואָרען דער טעטיגקייטס-באַריכט פון פאָריגען יאָר. ס'זיינען פאָרגעקומען וואַהלען פון ניע קאָמיטעט-מיטגלידער און באַשלאָסען געוואָרען באַאויפטראַגען חשוב'ע אויטאָריטעטען אָנצושרייבען איניגע שריפטען און בראָשורען, וועלכע זאָלען זיין צוגעפּאַסט צו די פאָרשטעהענדע וואַהלען אין רייכסטאַג און לאַנדסטאַג.

— — —

פוילען.

קאָנפערענץ פון אייגענטימער פון אידישע מיטעל-שולען אין פוילען.

לויט דער איניציאַטיווע פון לאָדזער אייגענטימער פון אידישע מיטעל-שולען איז אין לאָדז פאָרגעקומען א קאָנפערענץ פון אידישע מיטעל-שולען, אויף וועלכער ס'איז באַשלאָסען געוואָרען צו שאַפען א פאַראיין און אויסאַרבייטען א געמיינזאַמען פּראָגראַם פאַר די שולען.

די נויט אין גאַליציען.

די נויט אין גאַליציען, באַזונדערס צווישען דער אידישער באַפעלקערונג, איז עד היום א שרעקליכע. דאָרט הערשט א מורא'דיגער הונגער. ביז דער לעצטער צייט פלעגט נאָך אָנקומען הילף פון די רוסלענדישע אידען, אויף וועמענס געלט ס'זיינען אויסגעהאַלטען געוואָרען אַסך ביליגע קיכען, אַרבעט-ביוראָען און אַנדערע הילף-אינסטיטוציעס. אַצינד זיינען די גאַליציאַנער אידען געבליבען אָהן שום הילף פון דרויסען. אונטער דער השפעה פון רוסישען אידענטום האָט דאָס גאַליצישע אידענטום, וואָס איז שטענדיג געוועזען אָבגעשטאַנען און אָבגעלאָזען, געהאַט אָנגעהויבען זיך צו אָרגאַניזירען און שאַפען אָרגאַנען פאַר ברייטער סאָציאַלער און פילאַנטראָפּישער הילף; די גאַליצישע באַפעלקערונג איז אָבער אַזוי פאַראָרעמט געוואָרען, אַז כלה פרוטה מן הכיס און ס'איז ניטאָ מיט וואָס צו פירען די געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט.

דערצו קומען נאָך אָפט פאָר געצוואונגענע רעקוויזיציעס און די רעגירונג ערלויבט ניט אָפּלאָזען די סאָלדאַטען אויף ערד-אַרבעט. די באַפעלקערונג האָט זיך שוין נישט איינמאָל געווענדעט צו דער רעגירונג מיט א בקשה נאָך שטיצע און הילף, אָבער קיין שום ענטפער איז דאָרויף ניטאָ.

אַמעריקאַנער הילף פאַר פוילען.

קיין פוילען איז אָנגעקומען א דעלעגאַט פונ'ם האָלענדישען אידישען הילפס-קאָמיטעט ה' ראַאַלטע, וועלכער האָט די אויפגאַבע צו רעגולירען די פאַרטיילונג פונ'ם אַמעריקאַנער געלד, וואָס קומט אָן פאַר די נויטליידענדע. ד"ר ראַאַלטע האָט באַקומען א דירעקטיוו פון די אַמעריקאַנער אידען צו שאַפען אין יעדער גרעסערער שטאָט אין פוילען באַזונדערע אָרטיגע הילפס-קאָמיטעטען, אין וועלכע ס'זאָלען זיין פערטרעטען אַלע פּאַרטייען און ריכטונגען פון דער יודישער געזעלשאַפט.

גמינע-שטייער אין וואַרשאַ.

די חובות פון דער וואַרשעווער גמינע (קהלה) באַטרעפען שוין אָן אַ'ערך דרייהאַלבען מיליאָן מאַרק. די לעצטע פאָר יאָר האָט מען זעהר נישט פונקטליך געצאָלט דעם גמינע-שטייער (קהלה-נאַלאָג) און דערפאַר האָבען זיך אָנגעקליבען אַזעלכע גרויסע חובות. אַצינד איז די גמינע-קאַסע געבליבען כמעט אינגאַנצען אָהן געלד-מיטלען און דעריבער איז מען צוגעטראָטען איינמאָנען דעם גמינע-שטייער. אַסך שטייער-צאָלער באַצאָלען איצט זייער סכום, אַנדערע ווידער באַצאָלען אַ טייל פון חוב און זאָגען צו דעם רעשט איינגיכען צו באַצאָלען. אין אַ קליינער צאָל פאַלען ווען עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די שטייער-צאָלער האָבען געליטען פון דער מלחמה, פאַרקלענערט מען די סומע אָדער מ'באַפרייט זיי אינגאַנצען. געגען די, וואָס ווילען ניט צאָלען, הגם זיי פאַרדינען גוט, ווערען אָנגענומען שטרענגע מיטלען.

— — —

רומעניען.

דער קאַמף פאַר אידישע רעכט.

ווי ס'טיילט מיט די עסטרייכישע פּרעסע האָבען אַסך באַקאַנטע פּאָליטיקער, ווי גראַף טיסאַ, פאָן זאַן (פּרעזידענט פון אונגאַרישען פּאַרלאַמענט), גראַף וועקערלע און אַנדערע אַרויסגעזאָגט זיך דערפאַר, אַז בשעת די שלום-פאַרהאַנדלונגען מיט רומעניען זאָל אומבאַדינגט דערוועקט ווערען די פראַגע וועגען דער גלייכבאַרעכטיגונג פון די רומענישע אידען.

בעת דער אודיענץ פונ'ם וויענער בירגערמייסטער ווייסקירכנער מיט די מיטגלידער פון שטאַט-ראַט ביים מיניסטער פאַר אויסערליכע ענינים, האָט גראַף טשערנין, צווישען אַנדערעס, ערקלערט, אַז לויט'ן שלום-אָבמאַך מיט רומעניען ווערען די אידען אָנערקענט פאַר גלייכבאַרעכטיגטע בירגער פון רומעניען. גראַף טשערנין האָט אויך געזאָגט, אַז ס'איז פאַראַן ידיעות, אַז די באַפעלקערונג פון בעסאַראַביע וואָלט געוואונשען אַ נאָהענטערען צוזאַמענבונד מיט רומעניען, און קעגען דעם קאָן עסטרייך-אונגאַרן גאָרניט זאָגען.

אין סטאָקהאָלמער „סאָציאַלדעמאָקראַטען" איז אָבגעדרוקט אנ'אַרטיקעל פונ'ם אידישען זשורנאַליסט ב. לאַקער וועגען דעם שלום און דער אידענפראַגע אין רומעניען. צוליב די רדיפות אויף די אידען ווערט אינ'ם אַרטיקעל געפאָדערט עס זאָל געשאַפען ווערען אנ'אינטערנאַציאָנאַלער אינסטיטוט, צו וועלכען די רומענישע אידען זאָלען זיך קאָנען ווענדען אין יעדער צייט, ווען זייער גלייכבאַרעכטיגקייט וועט זיין אין סכנה.

דער פּרעמיער-מיניסטער פון דער באָלגאַרישער רעגירונג האָט אין פּאַרלאַמענט איבערגעגעבען פאָלגענדעס: „די בולגאַרען פאַרבלייבען ביי זייערע בעסטע באַציהונגען צו די אידען. די אידען האָבען ביי אונז פילשטענדיג גלייכע רעכט. אויפ'ן שלאַכט-פעלד האָבען זיי אַרויסגעוויזען גלענצענדע העלדישקייטען און פּאַטריאָטיזם. אין אונזערע אונטערהאַנדלונגען מיט רומעניען וועלען מיר פאָדערען, אַז רומעניען זאָל גאַראַנטירען אַלע רעכט פאַר אידען".

אַ דעלעגאַציע פון אַמעריקאַנישען פאַראיין פאַר די רעכט פון די רומענישע אידען איז אויפגענומען געוואָרען פון פּרעזידענט ווילסאָן. די דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון ד"ר זינגעלשטיין, וואָלפסאָן, עדואַרד העדבערט, קאַלמאַן, ד"ר בעלעבער, גאָלדענבורג פון פילאַדעלפיע און פינק פון וואַשינגטאָן.

דער פּרעזידענט האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט די ידיעות פון דער דעלעגאַציע און האָט געשטעלט אַ רייהע פראַגען וועגען דער לאַגע פון די אידען אין רומעניען. די דעלעגאַציע האָט צוגעשטעלט אַ רייהע דאָקומענטען וועגען דער לאַגע פון די אידען אין רומעניען.

די רומענער האָבען אָנגעהויבען „באַאַרבעטען די געזעלשאַפטליכע מיינונג" אין בעסאַראַביען, שטרעבענדיג אַרויסרופען סימפּאַטיע צו זייערע פּלענער. די רומענישע מאַכט באַנוצט דערביי פאַרשידענע שרעק-מיטלען און אַנדערע נידעריגע מעטאָדען, ווי הניפה בנוגע צו די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס. באַזונדערס איז מען זיך „מתעסק" מיט דער גרעסטער אידישער קהלה אין קישינעוו, וועלכע עריוואַרטעט שוין מיט ציטער די אַנטשיידונג פון דער פראַגע.

אכזריות אין בעסאַראַביע.

די רומענער ווירטשאַפטען אין בעסאַראַביע אָהן אַ שום רחמנות, איבערהויפּט ליידט פון זיי די אידישע באַפעלקערונג: מיט „די זשידאַנעס" ציערעמאָניעט מען זיך גאָרניט.

פון פאַרשידענע ערטער ווי בעלץ, סאָראָקי, יעדיניץ (האָטינער אויעזד), רישקאַן, אָקניצע א. אַנד. קומען צו אונז אָן ידיעות וועגען אכזריותדיגע מעשים פון די רומענער. דאָ האָט מען געגעבען שמיץ אַ מיידעל, דאָרט האָט מען דערשאָסען אַ אידען א. אַז. וו. בלויז דערפאַר, וואָס זיי האָבען ניט אָבגעגעבען קיין „בקשיש" די רומענישע אָפיצירען. די אידישע באַפעלקערונג ווערט דורך די ניעע בעלי-בתים געצוואונגען צו שווערע אַרבעטען און ווערט כסדר שרעקליך טעראָריזירט. פאַר ניט פאָלגען אַ מינדעסטען באַפעהל גיט מען באַלד שמיץ. אומעטום קומען פאָר שרעקליכע רציחות. נאָר אין האָטינער אויעזד, וועלכער איז אָקופּירט דורך די עסטרייכער, אָטעמט מען אַ ביסעל פריי אָב, מאַסענווייז אַנטלויפט מען אַהין פון די בעסאַראַבער שטעט און שטעטלאַך.

אין שטעטל יעדיניץ האָט דער קאָמענדאַנט אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, אַז רומענישע אָפיצירען דאַרפען באַגעגענט ווערען דורך דער באַפעלקערונג פון יעדיניץ אויפשטעהענדיג זיך אויפ'ן אָרט מיט'ן פּנים צו אים און שנעל, מיט אַ שמייכעל אויף דעם געזיכט אַראָבנעמען דאָס היטעל און נייגען ביז צו דער ערד.

כדי צו לערנען דער באַפעלקערונג ווי געהעריג צו ערפילען אָט דעם באַפעהל טראָגט מען יעדען טאָג אין פאַרשיידענע גאַסען דאָס היטעל פון קאָמענדאַנט און אַלע מוזען זיך בוקען צו איהר לויט דעם ערשטען פּונקט פונ'ם באַפעהל.

דער ראזונער ארויב. ביטל איז צוגעשטעלט געווארן דער ציוניסטישער פראקציע אין ראדע, וועלכע האט אים פארעפענטליכט אין דער פרעסע.

אינטערעסאנטער באפעל.

אין קישינעוו האט דער רומענישער גענ. בארטשעאנו, דער קאמאנדיר פון דער 2-טער רומענישער דיוויזיע, ארויסגעגעבען פאלגענדען באפעל פאר אלע טיילען פון דער דיוויזיע.

„לויט דעם באפעל № 1690 ד. י. לעג איך פאר אלע אפיצירען און סאלדאטען פון דער דיוויזיע זיך העכסט קארעקט און מענשליך באציהען צו דער אידישער באפעלקערונג. איך חזר איבער און באפעל אלע אפיצירען אין מאלדאוויען, אז אין די באציהונגען מיט דער בירגערליכער באפעלקערונג אין די שטעט און דערפער זיך האלטען טאלעראנט, העפליך און קולטורעל, אהן אונטערשייד צו דער נאציאנאליטעט פון דער באפעלקערונג.

איך פארווער קאטעגאריש צו באנוצען אונצולאסיגע ווערטער, ווי „זשיד" און אנדערע שימפווערטער, וועלכע דארפען אויסגעמעקט ווערען פון אונזער ווערטער-בוך. דאס באנוצען פון אזעלכע ווערטער איז דאס בעסטע מיטעל צו שאפען שנאה צו אונז מצד דער באפעלקערונג און צונעמען ביי אונז די סימפאטיעס פון דער באפעלקערונג, וואס איז אונז אזוי נייטיג."

לטובת די אידען אין פוילען און ליטא.

צוליב דעם מאנגעל אין פלאץ קענען מיר ניט אבדרוקען אין היינטיגען נומער די רשימות פון די נדבות פאר די פוילישע אידען. אינ'ם פערטען נומער וועלען מיר געבען א ספעציעלע בייילאגע.

ביז דעם 15 אפריל נ. ס. האבען מיר ערהאלטען 15.480 רובל. דאס געלד געפינט זיך אין דעם טארגאווא-פראמישלעני באנק אויפ'ן נאמען פון י. כהנאוו עד וערען אנגענומען מיטלען, כדי איבערצושיקען דאס געלד קיין פוילען און שאפען אין קיעוו א ספעציעלען קאמיטעט, וועלכען ס'וועט איבערגעגעבען ווערען דער פולשטענדיגער דין וחשבון.

די ציוניסטישע באוועגונג.

די ארבייט אויף אוקראינא.

נאך דער געצוואונגענער לאנגער הפסקה, וועלכע איז געווען ארויסגערופען דורך די פאליטישע געשעהענישען אויף אוקראינע, באמערקט זיך ווידער א ענערגישע און מונטערע ציוניסטישע ארבייט סיי אין צענטר, אזוי אויך אין דער פראווינץ. די ציוניסטישע אינסטיטוציעס און ארגאניזאציעס ענטוויקלען אומעטום אויפסניי ענערגישע טעטיגקייט און פארנעמען ווידער די פריהערדיגע פאזיציעס. עס פיהלט זיך א געהויבענע שטימונג. א דורשט נאך פראקטישע מעשים.

דאס קיעווער געגענד-ביורא איז פארשטארקט געווארען מיט פרישע קרעפטען, האט פונאנדערגעשיקט די ערשטע צירקולארען און ארגאניזירט איצט א רייהע לעקציעס איבער גאנץ אוקראינע.

די פאלעסטינא-קאמיסיע גרייט צו די פאלעסטינא-וואך. עס וועלען ארויסגעגעבען ווערען אויפרופען איז א ספעציעלער נומער פון „אויף דער וואך".

די ציוניסטישע פראקציע אין דער ראדע ארבייט סיסטעמאטיש און פלאנמעסיג. כמעט אין אלע קאמיסיעס זיינען געשיקט געווארען ציוניסטישע פארשטעהער. אייסער דעם זיינען אריינגעטראגען געווארען אין דער ראדע איניגע געזעץ פראיעקטען.

די ציוניסטישע פראקציע אין דער קהלה פירט אים פאקטיש די גאנצע פראקטישע ארבייט, סיי אין פרעזידיום, און סיי אין דער פארוואלטונג זיינען די ציוניסטען אין דער מעהרהייט. לויט דעם פארשלאג פון אונזערע חברים וועט די קיעווער קהלה נעמען אויף זיך די איניציאטיווע צוזאמענצורופען דעם צוזאמענפאר פון די אידישע קהלות אויף אוקראינע, וועלכער דארף באקומען די רעכט פון א צייטווייליגע גרינדונגס-פארזאמלונג.

אין משך פון די לעצטע צוויי וואכען זיינען אין דער פראווינץ געלייענט געווארען א רייהע לעקציעס פון די חברים גראסמאן, באלאכאווסקי, יאחינסאן, שעכטמאן און אנדערע.

אויף די ערטער ארבייטען די אגודות ווידער זעהר ענערגיש און באטייליגען זיך אין דעם קולטור-לעבען פון די שטעט און שטעטלאך.

א באראטונג פון ראיאן-קאמיטעטען.

אין א וואך ארום וועט אין אדעס פארקומען א באראטונג פון אלע ציוניסטישע ראיאן-קאמיטעטען, וועלכע געפינען זיך אויף אוקראינע צוזאמען מיט די מיטגליעדער פונ'ם צענטראל-קאמיטעט. די באראטונג וועט באטראכטען אלע וויכטיגע טאג-פראגען פון דער ציוניסטישער פאליטיק און ארגאניזאציע, וועט שאפען א צייטווייליגע צענטראל-ביורא און באשטימען די פראגראם פאר דעם אלאוקראינישען ציוניסטישען צוזאמענפאר, וועלכער וועט פארקומען אין חודש מאי.

פאליטישע אווענדען.

דער שטאט-קאמיטעט פון דער קיעווער ציוניסטישער ארגאניזאציע האט, אין הסכם מיט דער פאליטישער קאלעגיע, באשלאסען איינצוארדנען א רייהע פאליטישע אווענטען, וועלכע וועלען זיין געווידמעט די פראגען פון אידישער און ציוניסטישער פאליטיק. מיטגליעדער פון דער פאליטישער קאלעגיע וועלען לייענען אויספירליכע רעפעראטען. דער ערשטער אווענד איז געווען געווידמעט דעם „אידישען נאציאנאל-ראט".

די ארבייט אין די קהלות.

אין דעם גרעסטען טייל אידישע קהלות פון אוקראינע זיינען די ציוניסטען אין דער מערהייט. כדי די ארבייט און די טאקטיק פון די ציוניסטישע ראטמענער זאל אומעטום טראגען דעם זעלבען איינהייטליכען און אויסגעהאלטענעם כאראקטער איז וויינשענסווערט, אז די ציוניסטישע ראטמענער פון דער פראווינץ זאלען זיך וואס גיכער פארבינדען מיט דער קיעווער אידישער קהלה, וועלכע האט שוין איינגעארדנעט איהר ארבייט און קען קומען צו הילף די פראווינציעלע קהלות.

פאדאלער צוזאמענפאר פון „צעירי-ציון".

דעם 21 און 22 אפריל (נ. ס.) וועט אין וויניצע פארקומען א צוזאמענפאר פון די פראקציעס „צעירי-ציון" אין פאדאלער גובערניע, אויף וועלכען ס'וועלען באהאנדעלט ווערען פארשידענע פאליטישע און ארגאניזאציאנס-פראגען.

די ארגאניזאציעס, וואס צעהלען ווייניגער פון 50 מיטגליעדער שיקען צו איין דעלעגאט אויפ'ן צוזאמענפאר; די ארגאניזאציעס וואס האבען מער פון 50 מיטגליעדער שיקען צו איין דעלעגאט אויף יעדע 50 מיטגליעדער.

דער אדרעס פאר בריף: וויניצע, בריף-קאסטען № 30, פאר דעלעגאטען: וויניצע, די גאס פון פיאטר מאגילא 9 ציוניסטישער ביורא. פאר די דעלעגאטען איז אנגעגרייט דירות און ביליגע קעסט.

ציוניסטישער צוזאמענפאר אין פאד. גוב.

דעם 22, 23 און 24 אפריל (נ. ס.) וועט אין וויניצע פארקומען דער צווייטער ציוניסטישער צוזאמענפאר פון פאדאלער גובערניע. ארגאניזאציעס וועלכע האבען ווייניגער פון 100 מיטגליעדער שיקען איין דעלעגאט, די ארגאניזאציעס וואס צעהלען מעהר פון 100 מיטגליעדער שיקען צו איין דעלעגאט אויף יעדע 100 מיטגליעדער.

פראגראם פון צוזאמענפאר: ערעפנונג, פאליטישער מאמענט, די ארבייט אין פאלעסטינא, אונזער בילדונגס-קולטורעלע און אנימאציאנס-טעטיגקייט, די עקאנאמישע טעטיגקייט, קהלה, ארגאניזאציאנס-פראגען, וואהלען.

אדרעס: וויניצע, בריף-קאסטען 30.

ח. ווייצמאן ביים ענגלישען קעניג.

פון לאנדאן איז מען מודיע, אז דער פארזיצענדער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין ענגלאנד און מיטגליעד פון דעם גרויסען אקציאנס-קאמיטעט פראפ. חיים ווייצמאן איז אויפגענומען געווארען פון דעם ענגלישען קעניג אין א באזונדער אודיענץ.

יעקב קאהן וועגען דער צוקונפט פון פאלעסטינא.

אין צוזאמענהאנג מיט דער ערקלערונג פונ'ם טערקישען גרויסוויזיר וועגען ארץ-ישראל האט דער באוואוסטער ציוניסטישער בעל-טוער יעקב קאהן ארויסגעזאגט די פאלגענדע מיינונג וועגען דער צוקונפט פון די אידען אינ'ם לאנד.

הגם דער גרויסוויזיר אנערקענט די לאיאליטעט פונ'ם ציוניזם בשעת דער גאנצער צייט פון דער וועלט-מלחמה און שעצט די פארדינסטען פון די אידען פאר'ן לאנד, דאך זאגט ער זיך ניט ארויס פאר געבען די אידען אויטאנאמיע אין ארץ-ישראל. כדי אויפלעבען דאס דארף מוז מען אנווענדען אומגעהייערע גרויסע קרעפטען, קאפיטאלען און פיליעריגע ארבעט אין מיר, אידען, מוזען האבען די פולע גאראנטיע אז ענדליך וועט דאס לאנד זיין אונזערס. עס זאל זיך ניט טרעפען, אז ווען מ'וועט אונז אויסנוצען זאל מען אונז ווידער ארויסטרייבען פון דארטען.

צום טויט פון ד"ר טשלענאוו.

פון פארשידענע שטעט און שטעטלאך קומען אן אסך טעלעגראמען, וואס דריקען אויס דעם טיפען צער פון די ציוניסטישע ארגאניזאציעס איבער'ן טויט פון ד"ר יחיאל טשלענאוו.

ביי די „צעירי־ציון“.

דאס צענטראל־ביורא פון דער פארקציע „צעירי־ציון“ האט באשלאסען איפהערען ארויסגעבען די „ידיעות פון צענטראל קאמיטעט“ און אנשטאט דעם אנהייבען ארויסלאזען דריי ארגאנען: א צווייוואכענטליכען זשורנאל „ערד און ארבעט“ אויף אידיש אין חארקאוו, א מאנאטליכען זשורנאל „הארץ והעבודה“ אויף העברעאיש אין מאסקווע און פעריאדישע אויסגאבען אין פעטראגראד אונטער דער רעדאקציע פון נ. פארטוגאלאוו.

צו דעם צוועק קומען שוין פאר אייניגע זאמלונגען אויף גרינדען א פרעסע פאנד.

די וואהלען אין אדעסער ציוניסטישען שטאט־קאמיטעט.

אין מארט זיינען פארגעקומען די וואהלען אין אדעסער ציוניסטישען שטאט קאמיטעט. בכלל הכל זיינען צו די וואהלען געקומען 7018 שקל צאהלער און די גרעסטע צאל שטימען האט באקומען דער בלאק „החבר“, „צעירי־ציון“ און „התחיה“, פון וועלכע זיינען איינגעקליבען געווארען 12 מיטגלידער און אויפן צווייטען ארט איז דורכגעגאנגען דער צעטל פון „יבנה“, וועלכער האט דורכגעפירט 8 מיטגלידער.

די ערשטע זיצונג פון נייעם שטאט־קאמיטעט איז פארגעקומען דעם 21־טען מארץ. אלס פארזיצער איז איינגעקליבען געווארען ד״ר נ. י. שיטקין, געהילף־פארזיצערס: י. פישער און י. ראבינאוויטש, סעקרעטאר — מ. זינגער און קאזנאטשיי — ל. שטיוועלמאן.

צו ד״ר קלויזנער׳ס יובל.

צום יובל פון ד״ר יוסף קלויזנער האבען די אדעסער פריקאזשיקעס און קאנטארשטשיקעס־ציוניסטען באשלאסען גרינדען אויף דער מאלדאוואנקע א קינדער־גארטען מיט׳ן נאמען „גן יוסף“. צו דעם צוועק איז דעם 31־טען מארט פארגעקומען א גרויסע פארזאמלונג אויף וועלכער ס׳האבען געלייענט פארטראגען איסישקין, פיכמאן, פינעס און אנד. און די גאנצע הכנסה פון דער פארזאמלונג געהט פאר דעם אויבענדער־מאנטען „גן יוסף“.

זאמלונג פאר׳ן נאציאנאל־פאנד.

די קאמיסיע פאר די ענינים פון נאציאנאל־פאנד ביים קיעווער ציוניסטישען שטאט־קאמיטעט מעלדעט:

די קאמיסיע, אין וועלכער ס׳געהען אריין פארשטעהער פון אלע פראקציעס איז צוגעטראטען צו רעגיסטרירען די זאמעל־פושקעס פון „נאציאנאל־פאנד“ און ווענדעט זיך מיט א בקשה צו דער באפעלקערונג מודיע צו זיין די אדרעסען פון די, ביי וועמען עס געפונען זיך פושקעס. די קאמיסיע האט באשלאסען איינריכטען א זעלבסט־באשטייערונג פון די קיעווער אידען: דעם 21־טען אפריל וועלען ספעציעלע זאמלער געהן אין אלע אידישע וואוינונגען מיט׳ן צוועק צו זאמלען געלט פאר׳ן „נאציאנאל־פאנד“ אין פארשפרייטען דעם געדאנק פון מאנאטליכער זעלבסטבאשטייערונג.

צייטווייליג געפינט זיך די קאנצעלאריע פון דער קאמיסיע אין ציוניסטישען קלוב גרויס־וואסילקאווער [illegible], וואו יעדען טאג חוץ שבת און יום־טוב פון 11 ביז 2 ווערען אנגענומען די צושטייערס [illegible] אין [illegible] אלערליי ידיעות.

„החלוץ“־קורסען.

ביי דער שול פון ערד־און גארטען־ארבעט (училище садоводства и земледѣлія) אין אומאן ווערען געגרינדעט קורסען פון „החלוץ“ מיט 4 אבטיילונגען: גארטען־ווירטשאפט, בינענשטאק, פרוכטען־און מילך־ווירטשאפט.

די באדינגונגען זענען צוגענגליכע.

גענויע ידיעות קאן מען באקומען לויט׳ן אדרעס:

Умань, Сіонистскій Комитетъ, Садовая ул. д. Фрейденберга.

טעטיגקייט פון „פועלי־ציון“.

דאס פארבאנד־ביורא פון „פועלי־ציון“ ווייזט ארויס א לעבהאפטע טעטיגקייט בנוגע צו פארהאנדלונגען מיט פארשידענע סאציאליסטישע פארטייען אין מערב־איראפע. ה׳ האזאנאוויטש האט אין קאפענהאגען פארבינדען באציהונגען מיט די פארשטעהער פון דער דענישער סאציאל־דעמאקראטיע און זיי אינפארמירט מכח די פאדערונגען פון די „פועלי־ציון“. דעסגלייכען קומען פאר פארהאנדלונגען מיט דער נארוועגישער סאציאל־דעמאקראטיע און ארמענישער פארטיי „דאשנאקציוטון.“ די דערמאנטע פארטייען, ווי אויך דער האלענדיש־סקאנדינאווישער קאמיטעט זענען מסכים אויף גרינדען ביים אינטערנאציאנאל א פאלעסטינישע אונטערסעקציע נעבען דער ארמענישער און טערקישער סעקציע.

דער אמעריקאנער „פארווערטס“ און די ענגלישע דעקלאראציע.

די אידישע סאציאליסטישע צייטונג אין אמעריקע „פארווערטס“ האט אויף אנ׳ארגינעלען שטייגער זיך אפגערופען אויף ענגלאנד׳ס דעקלאראציע מכוח ארץ־ישראל. זי האט די געשעהעניש — אינגאנצען פארשוויגען. מיט א ווארט אפילו ניט דערמאנט, ניט אין דער חראניק און ניט אין די ארטיקלען, וועגען דעם פאקט, וואס האט אנגעמאכט אזא גרויסען רושם אין אלע לענדער.

קיעווער געגענט־ביורא.

די קיעווער געגענט־ביורא פון דער ציוניסט. ארגאניזאציע געפינט זיך איצט אויף מ. זשיטאמירסקי № 20 וואוינונג 49.

די ביורא איז אפען פאר חברים פון פראווינץ אלע טאג, אויסער שבת און יו״ט, פון 10—12 פריה.

דערהרגעט ס. א. הערצפעלד.

ווי ס׳טיילט מיט „בערלינער טאגעבלאט“ איז בשעת א פאגראם דערהרגעט געווארען דער פארזיצער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און איינער פון די מיניסטארען אין טורקעסטאן ס. א. הערצפעלד.

עסטרייכישע פועלי־ציון און די ענגלישע דעקלאראציע.

אינ׳ם ארגאן פון די עסטרייכישע פועלי־ציון „אידישער ארבייטער“ געפונען מיר פאלגענדע ערקלערונגען וועגען ענגלאנד׳ס דעקלאראציע:

מיר מיינען, אז מען דארף זיכער נישט אוועקמאכען מיט דער האנט דעם פאקט, וואס די הייניגע מאכטהאבער הויבען אן צו רעכנען זיך מיט׳ן ציוניזם, נאר מיר מוזען זיך היטען צו ווערען א כלי־זין אין דער האנט פון וועלכער ס׳ניט איז א׳מפעריאליסטישער מלוכה. „די אינטערנאציאנאלער פאליטישע גאראנטיעס האבען זיכער א באדייטונג פאר׳ן ציוניזם אבער די רעאליזירונג פונ׳ם ציוניזם איז אבהענגיג פון דער אויפלעבענדער ארבעט פון די אידישע ארבעטער זעלבסט“.

די ציוניסטישע פראקציע „מזרחי“.

דאס רוסלענדישע צענטראל־ביורא פון „מזרחי“ איז צוגעטראטען צו ארגאניזירען אגודות אין פארשידענע ערטער. אינגיכען וועט מען ארויסשיקען אינסטרוקטארען אויף דער פראווינץ צו אגיטירען פאר „מזרחי“.

נאציאנאל־פאנד־קאנפערענץ אין לאנדאן.

אין לאנדאן איז ניט לאנג פארגעקומען א קאנפערענץ צו באטראכטען די פראגע וועגען רעקאנסטרוקציע פון דעם נאציאנאל־פאנד. אויף דער קאנפערענץ האט געהאלטען א רעדע נחום סאקאלאוו, וועלכער האט אנגעוויזען אויף דעם גרויסען ווערט פון די ציוניסטישע אינסטיטוציעס, בפרט די פינאנציעלע. דער נאציאנאל־פאנד, — האט געזאגט סאקאלאוו, — איז דער וויכטיגסטער אינסטרומענט פון ציוניזם, נאכמער דערפאר, וואס ער איז אנערקענט דורך אלע אידישע קהלות.

א געניעם רעפעראט ווי אזוי צו רעקאנסטרואירען דעם נאציאנאל־פאנד האט געלייענט דער באוואוסטער אידישער אגראנאם עטינגער, וועלכע, האט דורכגעפירט דעם געדאנק, אז די הויפט־פרינציפען פון נאציאנאל־פאנד דארפען זיין, צו ערווערבען ערד פאר׳ן אידישען פאלק און צו קריגען אידען, וועלכע וועלען זיך נעמען די דאזיגע ערד צו באארבעטען. ה׳ עטינגער האט פארגעלעגט א גאנצען געניעם פלאן וועגען ישוב ארץ־ישראל, לויט וועלכען מ׳דארף האבען די ערשטע צייט דריי מיליאן פונט שטערלינג.

ס׳זיינען אנגענומען געווארען פארשידענע רעזאלוציעס, אין וועלכע ס׳ווערט אנגעוויזען ווי אזוי צו פארווירקליכען דעם פלאן אין לעבען.

250000 קראנען פאר׳ן נאציאנאל־פאנד.

אין ווין האט א ציוניסטין, וואס וויל איר נאמען ניט באקאנט מאכען, אריינגעטראגען לטובת דעם נאציאנאל־פאנד א „שלום־טשעק“ אויף 250000 קראנען, וועלכער ווערט גילטיג 6 חדשים נאכ׳ן שלום־שליסען.

נאציאנאל־פאנד.

ה׳ יצחק כהנאוו שענקט 10 בוימער אין „יער־הרצל“ לזכרון פון זיין פארשטארבענער שוועגער באבצי באריספאלסקי.

קלוב „הרצליה“ אין בענדער.

אין בענדער איז פייערליך געעפענט געווארען א ציוניסטישער קלוב „הרצליה“. א אויסגעצייכענטער כאר האט געזונגען אידישע נאציאנאלע לידער און ס׳זיינען געהאלטען געווארען רעדעס אין העברעאיש, אין וועלכע ס׳איז חאראקטעריזירט געווארען די ציוניסטישע באוועגונג אין דער שטאט, וועלכע האט זיך אנגעהויבען דורך א קליינער גרופע פון 9 מענשען און איז איצט אויסגעוואקסען אין א גרויסער מעכטיגער ארגאניזאציע.

„צעירי ציון“.

דער קיעווער געגענטס־קאמיטעט פון דער פראקציע האט באשטימט די קאנפערענץ פון קיעווער געגענטען (וואלי-

נער, פּאָדאָלער, קיעווער און טשערניגאָווער גוב.) אויפ'ן 3-6-טען מאי נ. ס. (ב-א, כ"ג אייר.

מאָרוס פון וואַהלען: אָרגאַניזאַציעס, וועלכע צעהלען ניט ווענינער פון 50 מיטגלידער שיקען איין פאָרשטעהער, מער פון הונדערט— צוויי פאָרשטעהער.

די חברים אויף די ערטער דאַרפען באַלד צוזאַמענטרעטען צו באַהאַנדלען די אַלע פראַגען, וועלכע שטעהען אויף דער טאָג-אָרדנונג.

די אָרגאַניזאַציעס פון דער פראַקציע ווערען אויפגעפאָדערט איבערשיקען די געלט-סומען, וועלכע זיינען נויטיג, כדי צו דעקען די הוצאות פון דער קאָנפערענץ.

„החבר".

דעם 23-טען מאַרט איז אין אדעס פאָרגעקומען די פייערליכע ערעפנונג פון קלוב „החבר" אין דער נייער דירה פון דער אָרגאַניזאַציע (טיראַצקאַיאַ 43). די פאָרשטעהער פון פאַרשידענע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבען באַגריסט דעם „החבר" אויף העברעאיש און דערנאָך איז פאָרגעקומען אַ פאָרשטעלונג, אין וועלכער ס'האָבען גענומען אַנטייל ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע קרעפטען.

די 5-טע קאָנפערענץ פון „פּועלי-ציון" אין פּוילען.

נישט לאַנג איז פאָרגעקומען די 5-טע קאָנפערענץ פון „פּועלי-ציון" אין פּוילען. אויף דער קאָנפערענץ האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז פון 4 אָרגאַניזאַציעס מיט 500 מיטגלידער אין יאָהר 1915 איז די פּועלי-ציוניסטישע באַוועגונג אין פּוילען אויסגעוואַקסען ביז מעהר ווי 46 אָרגאַניזאַציעס און גרופּען מיט אַ צאָהל פון העכער 8000 חברים.

די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגען דער שול-פראַגע, אין וועלכער זי פאָדערט צו פיהרען אַ קאַמף פאַר אַ וועלטליכער אידישער פאָלקס-שול מיט דער אידישער אונטעריכטס-שפּראַך.

געפונען באָראָכאָוו'ס ווערק.

דאָס איבערקוקען פון באָראָכאָוו'ס מאַנוסקריפּטען, וועלכע זיינען פאַרלוירען געגאַנגען אויפ'ן וועג פון סטאָקהאָלם קיין פּעטראָגראַד און זיינען איצט געפונען געוואָרען אין מיניסטעריום פאַר אינערליכע ענינים, האָט באַוויזען, אַז זיינען פאַראַנען זעהר פיל ווערטפולע ווערק, באַזונדערס אויפ'ן געביט פון דער אידישער פילאָלאָגיע. די מאַנוסקריפּטען זיינען איבערגעשיקט געוואָרען דורך אַ ספּעציעלען שליח קיין מאָסקווא צו דער קאָמיסיע, וועלכע איז באַשטימט געוואָרען פון צענטראַל-קאָמיטעט פון דער אידישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי (פּועלי-ציון) מיט'ן צוועק אַרויסצוגעבען די פולע זאַמלונג פון באָראָכאָוו'ס שריפטען.

ציוניסטישע שטאָט-קאָנפערענץ.

דינסטאָג דעם 16 טען אַפּריל איז פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער קיעווער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אויף דער פאַרזאַמלונג איז באַשלאָסען געוואָרען צונויפצורופען אויף פרייטאָג דעם 19-טען אַפּריל אַ ציוניסטישע שטאָט-קאָנפערענץ אין קיעוו. צו דער קאָנפערענץ זיינען אויסגעקליבען געוואָרען 25 מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע. אחוץ דעם ווערען געשיקט צו 1 פאָרשטעהער פון דער ציוניסטישער פראַקציע אין קהלה-ראַט, פון דער פּאָליטישער קאָלעגיע און פון דער ציוניסטישער פראַקציע אין דער שטאָט-דומע.

3 דעפּוטאַטען-ציוניסטען פון קיעוו. גוב.

לויט די פאַרעפענטליכטע רעזולטאַטען פון די וואַהלען אין דער אוקראַאינישער גרינדונג-פאַרזאַמלונג פון קיעווער גובערניע זיינען אויסגעקליבען געוואָרען 38 דעפּוטאַטען אוקראַינער, 3 באָלשעוויקעס, 1 פון'ם צענטר „אומפּאַרטייאישע" רוסישע וועהלער און 3 ציוניסטען: מ. נ. סירקין, י. מאַכאָווער און י. שעכטמאַן.

ארץ-ישראל.

פּאַלעסטינאַ-נומער פון „אויף דער וואַך".

אין עטליכע וואָכען אַרום וועט אַרויס פון דרוק אַ ספּעציעלער נומער פון'ם זשורנאַל „אויף דער וואַך", וועלכער וועט זיין איינגאַנצען געווידמעט ארץ-ישראל און דער אַרבייט פאַר ארץ-ישראל. דער נומער וועט ענטהאַלטען 10—12 אַרטיקלען איבער פּאַלעסטינאַ און אונזערע אויפגאַבען, ווי אויך אַ סך סטאַטיסטישע מאַטעריאַלען און בילדער. ס'וועלען אָבגעדרוקט ווערען 20000 עקז. מיט באַשטעלונגען דאַרף מען זיך ווענדען אין געגענדס-ביוראָ.

אויפ'ן ביכער-מאַרק.

ניט קוקענדיג אויף דער שווערער לאַגע אין ארץ-ישראל איז אויף דעם ביכער-מאַרק דאָך פאַראַן נייעס. קודם כל מוז מען דערמאָנען ש. בן-ציונ'ס איבערזעצונג פון „הערמאַן און דאָראָטעא" פון געטהע. די איבערזעצונג איז טריי דעם אידישען עלעמענט, וועלכער ווערט דאָרט ניט איבערגעהאַלטען. צו דער איבערזעצונג איז צוגעלעגט אַ וויכטיגע צוגאַבע.

אויף דעם ווירטשאַפטליכען געביט איז אויך געטאָן געוואָרען ניט ווייניג. עס זיינען ערשינען: „דאָס הויז-בעל-הבית'ישקייט פון די קאָלאָניסטען", „אָבער דאָס מיסטינען" פון פּראָפ. ד-ר שטוצער און זעהר אַ וויכטיג בוך „דער אייל-בוים". דער פאַרלאַג פאַרשפּרעכט אַסך נייע ווערק.

עטליכע יונגע ירושלים'ער לערער האָבען אַרויסגעגעבען אַ זאַמעלבוך — אין פאָרם פון אַן אַלבאָם לזכרון פון זייער פאַרשטאָרבענעם חבר י. וואָלמאַן. דאָס ביכעל ענטהאַלט 2 אָבטהיילונגען: אַ פּערזענליכע און ליטעראַרישע.

די לאַגע אויף די ערטער.

די יפו'ער גימנאַזיע געפינט זיך איצט אין אַ טרויעריגען מצב: די געלט-מיטלען האָבען זיך איינגאַנצען אויסגעשעפּט. ס'איז אומבאַדינגט נויטיג, אַז די עלטערן און פריינד פון די תלמידים זאָלען תיכף פאַר זייערטוועגען אַרויסשיקען געלט.

די נייע באַדינגונגען, וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען דורכ'ן איבערגעהען פון גאַנץ יהודה אין רשות פון'ם ענגלישען מיליטער, גיבען שוין איצט די מעגליכקייט באַדייטענד צו פאַרגרעסערן דעם שטח פון דער אידישער ערדבאַזיצונג אין פּאַלעסטינע. די פּאַלעסטינישע פאַרוואַלטונג מיט'ן ד"ר מאָן בראָש, די יפו'ער און ירושלים'ער אָבטהיילונגען פון פּאַלעסטינע-באַנק האָבען פון יאַנוואַר אָנגעהויבען אַרבייטען און אויפשטעלען די איבערגעריסענע קאָלאָניזאַציאָנס-טעטיגקייט.

פון גן שמואל ווערט מיטגעטהיילט: די אַרבייט ווערט פאָרגעזעצט, ווי פריהער. פאַר דער צייט זיינען אויסגעוואַקסען ביז 550 ביימער, וועלכע זיינען פאַראַיאָרען פאַרפלאַנצט געוואָרען. אין אַלגעמיין האָט זיך דער גאָרטען אַנטוויקעלט זעהר גוט. דאָס גערעטעניש איז געווען הייאָר דריי מאָל אַזוי פיל ווי אין די פריערדיגע יאָרען. אויב די לאַגע וועט זיך ניט ענדערן, וועט דאָס גערעטעניש פאַרקויפט ווערען אין משך פון 6 וואָכען און דאַן וועט די אַרבייט און די פינאַנציעלע לאַגע געזיכערט ווערען אויף אַלע געביטען.

די גוטע לאַגע פון גן שמואל, אַלס אַ זעלבסטשטענדיגע, זיך אַליין ערנעהרענדע קבוצה האָט פיל מיטגעווירקט אויף דער שטימונג פון די מיטגלידער. אַלע פילען זיך צוגעבונדען צו דער אַרבייט און זעהען אין איר זייער צוקונפט.

פון קאַהיר שרייבט מען: אין די קאָלאָניעס פון יהודה איז די לאַגע בערך אַ באַפרידיגענדע. די ענגלישע מאַכט האָט פאַרטהיילט ווייץ און גערשטען-זריעה. עס פילט זיך אַ מאַנגעל אין מעדיקאַמענטען.

אין ירושלים איז אַ גרויסע נויט. דאָרט מוז מען האָבען יעדען חודש ניט ווייניגער פון 600 טאָן ווייץ. עס פילט זיך אויך אַ מאַנגעל אין קליידער. די מושב זקנים'ס און שפּיטאָלען נייטיגען זיך אין שטיצע.

א קליינער טהייל פון דער עוואַקואירטער באַפעלקערונג האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין יפו. די נויט איז זעהר גרויס. די הייזער פון תל-אביב זיינען פון דער באָמבאַרדירונג ניט גערירט געוואָרען.

אין גליל געפינען זיך איצט ביז 4500 עוואַקואירטע, וועלכע נויטיגען זיך אין שפּייז און קליידער. זיי זיינען באַזעצט אין פאָלגענדע ערטער: אין כפר סבא—1500, אין גדרה—3000, אין זכרון יעקב—350, אין חיפה—350, אין טבריה און אַרום—1000. די גרעסטע נויט פילט זיך אין כפר סבא. דאָרט איז אַ גרויסער מאַנגעל אין וואוינונגען.

די לעצטע רדיפות.

פון סטאָקהאָלם קומען אָן ידיעות וועגען רדיפות אויף אידען אין ארץ-ישראל. איבערהויפּט „טוט אב מעשים" דזשעמאַל-פּאַשאַ, וועלכער האָט פאַרפירט אַ פּראָצעס געגען „השומר". ביים אויספרעגען האָט מען די אָנגעקלאָגטע בעלקינד, ליישאַנסקי און אַראָנסאָן געשלאָגען מיט גליהענדע אייזענס איבער די פיס. מען האָט אויך געפייניגט די אַרעסטירטע בעת די הויז-זוכונגען אין די קאָלאָניעס זכרון יעקב, דגניה און כנרה.

אין טבריה איז אַרעסטירט געוואָרען דער באַנקיר בן-טובים, ווייל ער האָט אָנגענומען ענגליש געלט.

די לערערין חנה מייזעלס האָט אַ טערקישער אָפיציער באַליידיגט און געשלאָגען. אין אַנדערע קאָלאָניעס האָבען די טערקען געפאָדערט מ'זאָל זיי אַרויסגעבען אידישע פרויען. די קאָלאָניסטען און די שומרים האָבען אַרויסגעוויזען אַ ווידערשטאַנד.

פאַר אידען זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרען ספּעציעלע באַגרענצונגען וועגען איבערפאָרען פון איין אָרט אויפ'ן צווייטען.

אין מערב-אייראָפּאַ.

צעהן גרויסע דייטש-אידישע אָרגאַניזאַציעס צווישען זיי אויך די ציוניסטישע, צענטראַל-פאַראיין, אָסט-קאָמיטעט, בני-ברית, הילפס-פאַראיין, געמיינדע-בונד און ליבעראַלע פאַראייניגונג האָבען זיך פאַראייניגט, כדי צו פאַרטיידיגען די רעכט פון די מזרח-אידען בעת דער מלחמה און בעת די שלום-אינטערהאַנדלונגען. די דערמאָנטע געזעלשאַפטען וועלען פאַרטיידיגען די פּרינציפּען פון פאַקטישער גלייכבערעכטיגונג, פרייהייט פון אימיגראַציע און פון עקאָנאָמישער טעטיגקייט אין טערקיי, פרייהייט צו

באזעצן זיך אין פאלעסטינע און צו אנטוויקלען די אידישע קולטור.

פראנקרייך און פאלעסטינע.

פון ניו-יארק שרייבט מען, אז דער פראנצויזישער פאסאל זשאסאראן האט ערקלערט, אז פראנקרייך וועט שטיצען די רעכט פון אידען אויף פאלעסטינע. גלייכצייטיג וועט פראנקרייך אויך פאדערן עס זאלען גאראנטירט ווערען די רעכט פון אנדערע נאציאנען און גלויבענס אויף צוטרעטען צו די הייליגע ערטער פון פאלעסטינע.

א אידישער קאנגרעס אין ארץ-ישראל.

פון סטאקהאלם מעלדעט מען, אז עס איז באשלאסען געווארען צו שאפען אין יפו א ארגאניזאציע פון די אידען אין ארץ-ישראל, וועלכע זאל קומען אין בארירונג מיט די אידישע ארגאניזאציעס אין אויסלאנד, וואס ארבעטען פאר ארץ-ישראל. די דאזיגע ארגאניזאציע וועט געשאפען ווערען דורך א קאנגרעס פון די ארץ-ישראל-אידען, וואס זאל צוזאמענגערופען ווערען אין פארלויף פון דריי חדשים אויפ'ן גרונט פון דעמאקראטישע וואלען.

אויפ'ן פאלעסטינישען פראנט.

אויפ'ן פאלעסטינישען פראנט קומט איצט פאר א העפטיגע ארטילערישע שיסעריי און אויסשפירונגען פון די לופטפליהער. אין איניגע ערטער צו מזרח פונ'ם ירדן ווייזען די טערקען ארויס א שטארקען ווידערשטאנד די ענגלענדער, וועלכע ווילען זיי ארויסשטופ'ן פון די פאזיציעס. די ענגלענדער האבען אויך געהאט גרויסע פארלוסטען.

ביים פראנט מעזרען סענד-ושיל האבען די טערקישע פאטרולען פארטריבען ענגלישע און פארחאפט איניגע געפאנגענע.

אויפ'ן מעסאפאטאמישען פראנט, ביים טייך טיגר, קומען פאר אויסשפירונגען פון די ענגלישע אוטאמאבילען, ס'איז צו באמערקען דאס אבטרעטען פון גרויסע ענגלישע קרעפטען אראב טייך.

לויט די לעצטע ידיעות האבען די ענגלענדער אויפ'ן מעסאפאטאמישען פראנט געהאט אנ'ערפאלג. אין ראיאן פון חיטא (אויפ'ן טייך יעופראט), 150 ווערסט צו מערב פון בגדד, האבען די ענגלענדער אינגאנצען פארניכטעט דאס טערקישע מיליטער. זיי האבען גענומען א סך געפאנגענע און פארחאפט וויכטיגע פאזיציעס אויפ'ן וועג, וואס פירט קיין אלעפפא.

אידישע אויטאנאמיע אין פאלעסטינע.

ווי מען טיילט מיט פון לאנדאן איז אין פתח-תקוה פארגעקומען א בעראטונג פון די פארשטעהער פון ראשון לציון, רחובות, עקרון, גדרה, נס-ציונה און אנדערע קאלאניעס פון גאנץ יהודה, וועלכע איז אקופירט פון ענגלאנד. אויף דער בעראטונג איז באשלאסען געווארען צו באנייען די טעטיגקייט פון אלע אידישע אנשטאלטען און באקאנט מאכען די אקופאציאנס-מאכט מיט די פארמען פון דער זעלבסט-פארוואלטונג פון דעם אידישען ישוב, באזונדערס וועגען די נאציאנאלע שולען, פרידענס-ריכטער און דעם געברויך פון העברעאיש.

די בעראטונג האט אויך באשלאסען זיך ווענדען צו אלע קאלאניעס פון דעם אקופירטען טייל פון פאלעסטינע איינצוארדנען א קאנפערענץ אין יפו. די קאנפערענץ וועט באשטימען די ארגאניזאציאנס-פארמען פון דער זעלבסטפארוואלטונג און וועט שאפען א שטענדיגע פארשטעהערשאפט פון דער אידישער באפעלקערונג אין פאלעסטינע.

די סאציאליסטען וועגען פאלעסטינע.

פון בערלין מעלדעט מען, אז אויף דער לעצטער סאציאליסטישער קאנפערענץ פון די פארבינדעטע מלוכות אין לאנדאן איז פארעפענטליכט געווארען א מעמאראנדום וועגען די קריגס-צילען, אין וועלכען ס'ווערט צווישען אנדערע אנגעוויזען, אז פאלעסטינע דארף ווערען א פרייע מלוכה, וועלכע דארף אינטערנאציאנאל גאראנטירט ווערען און וואו אלע אידען, וואס פארלאנגען דאס, זאלען זיך קאנען באזעצען אהן דער אריינמישונג פון פרעמדע פעלקער און אנטוויקלען דארט זייער פרייע לעבען.

אין אמעריקע.

דער צענטראל-קאמיטעט פון די אמעריקאנישע „פועלי-ציון" האט זיך געווענדעט צום אידישען פראלעטאריאט מיט אנ'אויפרוף, אין וועלכען די אידישע ארבעטער ווערען גערופען דערצו, אז די נאציאנאלע היים אין פאלעסטינא זאל געבויט ווערען מיט די כחות פון די אידישע מאסען און איינגעארדענט ווערען אין אנטשפרעכונג מיט די אידעען פון סאציאליזם.

דער אידישער פראלעטאריאט איז בארופען צו בויען זיין לאנד מיטן כח פון זיינע מוסקולען און מוז דעריבער האבען א פארשטעהערשאפט אין אלע קאלאניזאציאנס-אנשטאלטען.

דער אויפרוף ווענדעט זיך אויך מיט'ן פארשלאג צונויפצורופען אנ'אלגעמיין-אידישען ארבעטער קאנגרעס, וועלכער זאל באהאנדלען די פראגען פון דעם אידישען ארבעטער, וועלכע זיינען פארבונדען מיט די נייע פערספעקטיווען אין פאלעסטינע.

כדי אנצופירען מיט דער דאזיגער ארבעט, האט דער צענטראל-קאמיטעט געגרינדעט א ספעציעלע קאמיסיע, וואס האט תיכף געשאפען אנ'אגיטאציאנס-פאנד פון 40 טויזענד דאלאר.

דער צוועק פון דער קאמיסיע איז, אז 50 טויזענד פארטיי-מיטגלידער, מינימום 60 5 אלס ערשטער איינצאהל פון דער אידישער ארבעטערשאפט זאלען אבפארען קיין פאלעסטינע.

אידישע שרייבער פאר ארץ-ישראל.

4 אידישע שריפטשטעלער, קינסטלער, מאלער און לערער פון ניו-יארק האבען געמאכט א קאלעקטיווע ערקלערונג, אז זיי טרעטען אריין אין די רייהען פון דער פארטיי „פועלי-ציון". צווישען די, וואס האבען אונטערגעשריבען די ערקלערונג געפינען זיך אסיפ דימאוו, י. אפאטאשו, מ. האלפערין, משה סטאיוסקי, דער הומאריסט משה נאדיר, דער ארטיסט יעקב אדלער, מאריס שווארץ, פרוי מאטילדא איש און אנדערע.

דער באוואוסטער דיכטער אברהם רייזין, וועלכער איז געשטאנען זעהר ווייט פון די פועלי-ציוניסטישע אידעאלען און האט זיך גערעכענט פאר א געגנער פון דער פאלעסטינע פראבלעם, האט אויף א גרויסער ארבעטער-פארזאמלונג אין ניו-יארק ערקלערט, אז ער טרעט אריין אין דער פועלי-ציוניסטישער ארגאניזאציע.

ליטעראַרישע נייעס.

אינ'ם פארלאג „אידיש" (כארקאוו, רומארסקי 23) זיינען לעצטענס ארויס פון דרוק א גאנצע רייהע ביכער ווי פאליטיש-געזעלשאפטליכע, אזוי אויך בעלעטריסטישע.

צווישען די אויטארען געפינען מיר ש. אנסקי, ד. אייזמאן, בעל-מחשבות, ד. בערגעלסאן, פ. הירשביין, מ. טייטש, נ. מייזיל, י. ל. פרץ, א. רייזין, שלום-עליכם, בערטאלדי, יעקב לעשצינסקי, נ. שטיף און אנדערע.

ס'זיינען אויך ערשינען א סך איבערזעצונגען פון אנדערע ליטעראטורען. ווי פארשידענע ווערק פון וו. גארשין, וו. ווערעסאיעוו, א. טשעכאוו, ל. טאלסטאי, ס. יושקעוויטש, א. בעבעל. פ. לאסאל און א סך אנדערע.

איצט גרייט זיך צום דרוק א רייהע לערן-ביכער פאר דער נייער אידישער פאלקס-שול. ס'זיינען שוין פארטיג איניגע ביכלאך פאר קינדער צו זעהר בילליגע פרייזען.

* * *

אין מאסקווע איז די טעג ערשינען דאס ערשטע זאמעלבוך „התקופה" אונטער דער רעדאקציע פון דוד פרישמאן. דער ארויסגעבער פון זאמעלבוך איז א. שטיבעל.

* * *

אין ווילנע (קל. שטעפאנשטראסע 7—23) עקזיסטירט א רייכער פארלאג פאר קינדער-ליטעראטור פון ד. רוויכעל, וועלכער האט ארויסגעגעבען קינדער-מעשה'לאך פון י. ל. פרץ, ר' נירבילע, האנדערסען, פושקין און אנד.

* * *

אין פארלאג „מוריה" (וויען, עבענדארפערשטראסע 13 (3) איז ערשינען אונטער דער רעדאקציע פון ד"ר ז. פ. פינקעלשטיין א „אידישער אלמאנאך" אין דער פוילישער שפראך, וועלכער ענטהאלט א סך ליטערארישע און וויסענשאפטליכע ארטיקלען וועגען פארשידענע אידישע פראבלעמען. צווישען אנדערע געפינען זיך דארט ארטיקלען פון ד"ר טייזיל, נח פרילוצקי, אראלף שנאור, ד"ר קאבנער, ד"ר פאזנאנסקי, ד"ר שנעעבאלים, גארדמאן.

* * *

סוף פאריגען וואכע זיינען אין ניו-יארק ערשינען די ערשטע 4 בענדער פון שלום-עליכם'ס געזאמעלטע ווערק, וועלכע זיינען באלד אינגאנצען אויספארקויפט געווארען. איצט האט דער „שלום-עליכם פאנד" אין אמעריקע ארויסגעלאזט אנ'אויפרוף צו דער אידישער באפעלקערונג און איז מודיע, אז ער איז שוין צוגעטראטען ארויסצוגעבען אלע ווערק פון אונזער גרויסען שרייבער אין א ביליגער פאלקס-אויסגאבע און וועט צושטעלען אלע ביכער, אז זיי זאלען ארויס שיין און אהן דרוק-פעהלער.

* * *

דער פארלאג „יאסטאק" (ואגאראדני 1) האט איצט ארויסגעגעבען אין א צווייטער אויפלאגע פיל בראשורען, וועלכע זיינען ערשינען אין די יארען 1905—1906 און זיינען שוין אויסגעקויפט געווארען, צווישען זיי אויך די בראשור פון פראפ. א. ווארבורג: „צי טויג ארץ-ישראל פאר קאלאניזאציע". אויסער דעם זיינען די לעצטע צייט ערשינען די פאלגענדע בראשורען: „דאס אידישע לאנד" (אויף אידיש און רוסיש) פון ד. כרמי, „וואס האבען מיר דערגרייכט און וואס ערווארטען מיר פון ארץ-ישראל" פונ'ם אגראנאם טאלקאווסקי, „אתחלתא דגאולה", א רייהע ארטיקלען וועגען דער ענגלישער דעקלאראציע פון י. קנאי (פארלאג „גאולה"), „די רעזאלוציעס און החלטות פונ'ם צווייטען צוזאמענפאהר פון צעירי ציון" און פיל אנדערע.

* * *

אין „קיעווער פארלאג" איז ערשינען א בוך פון בערטאלדי (ווילאצקי) אונטערן נאמען „ערד-גייסט", וואו עס געהן אריין פאלגענדע ארטיקלען: רוחניות און גשמיות, גלות און גאולה, א היסטארישער וכוח (הערצל און אחד העם), אידישקייט און אידען, א תקון פאר'ן איביגען איד, א נס פונ'ם גלות, א נייער היטעל, אידישע קונסט, היימלאזע און פארוואגעלטע.

גרוסען פון פוילען.

יוסף ראפאפארט און פאמיליע אין ווארשא (נאוואָ-ליפקי 5) גריסען דוד נירענשטיין אין אדעס און חיים שטושקעס אין ראוונע.

הלל עלפמאן מיט פאמיליע אין ווארשא (אנראדא-ווע 6—29) גריסט די פאמיליעס עלצמאן אין יעקאטע-ווגריעלאד.

לעאן הערשענבערג אין לאדז (אננא-גאס 20) גריסט העלענע הערשענבערג אין ראוונע.

חנה לעווקאוויטש אין לאדז (מארגאווע 56) גריסט איהרע עלטערן פערעלמאן אין אדעס (קאנאטנע 4.)

באריס יאקובסאן אין לאדז גריסט לוצינא יאקוב-סאן אין קיעוו (באריסאגליבסקא 16).

כרוך און געץ ליפאוויטש גריסען די פאמיליעס ליפאוויטש און וואלטשאנסק אין יעקאטערינאסלאוו.

באריס שילאוויצקי אין לאדז (דזיגא 21) גריסט לייב בזוקאטאווסקי אין סמילא (קיעוו. גוב.)

ישראל אקסעלראד אין קאוועל גריסט זיינע עלטערן אין אדעס.

ד. באסעוויטש אין לאדז (פאלודניאווא 20) גריסט די פאמיליע פישמאן אין יעקאטערינאסלאוו.

קאפיל זאבארניק און פאמיליע אין ווארשא גריסען זייערע עלטערן אין בערדיטשעוו און קיעוו.

די ברידער האלצמאן גריסען יונה האלצמאן אין יעקאטערינאסלאוו.

פאמיליע באצקא אין ווארשא (סענאטארסקע 38) גריסען אנשיל באצקא אין קיעוו (מארינא בראגאוועשטשענ-סקא 102)

פריידעל קירצפעלד אין בענדין גריסט וואלף בער קירצפעלד אין ראוונע.

לעאפאלד ענטין אין ווארשא (מארשאלקאווסקע 139) גריסט די פאמיליעס ענטין אין בערלין אין יעקא-טערינאסלאוו

פאמיליע שענדעראוויטש אין קאזימערוש גריסען דעם מאן און פאטער אין יעקאטערינאסלאוו.

שמואל לעווין און פאמיליע אין ווארשא (נאווא-סיענגא 4) גריסען זייערע איינענע אין יעקאטערינאסלאוו.

פסח סנאָלארטשוק און פאמיליע אין ווארשא (אג-ראדאווא 26) גריסען די עלטערן און פאמיליעס אין ראוונע און דובנע.

מלכה פישלעוויטש און טאכטער אין ווארשא (פאוסקא 7) גריסען משה פישלעוויטש אין קיעוו.

שלמה ראדזאנאוויטש און פאמיליע אין ווארשא (קראכמאלנע 33) גריסען חיים שווארצענבערג אין אדעס (בקאבעלעיו 51).

חיים ליבערמאן און פאמיליע (פון פינסק) אין ווארשא (פאוויא 19) גריסען די ברידער אין קיעוו (סמאסקא 31).

יאדקע זילבערמאן אין ווארשא (נאוואליפיע 14) גריסט זיינע איינענע אין קאמענעץ-פאדאלסק.

רעדאקטאר מ. גראסמאן.

ארויסגעבער י. כהנאוו.

די באגוסלאווער ארגאניזאציע

„צעירי ציון“ דריקט אויס איר

טיפען צער דער משפחה פון דעם

פארשטארבענעם

פנחס טוטשינסקי

ОТКРЫТА ПОДПИСКА

Съ 1-го Апрѣля до конца 1918 года

НА ОБЩЕСТВЕННО-ПОЛИТИЧЕСКІЙ и ЛИТЕРАТУРНО-ХУДОЖЕСТВЕННЫЙ ДВУХНЕДѢЛЬНЫЙ ЖУРНАЛЪ.

„Сіонъ и Воля“

ОРГАНЪ СІОНИСТСКОЙ НАРОДНИЧЕСКОЙ МЫСЛИ.

Подписная цѣна: на **9** мѣс. **11** р., на **6** мѣс. **7** р., на **3** мѣс. **4** р. **Цѣна отдѣльнаго номера:** въ Кіевѣ **80** коп., въ провинціи **90** коп.

АДРЕСЪ РЕДАКЦІИ и КОНТОРЫ: Кіевъ, Мало-Васильковская № 26.

גרוסען קיין פוילען.

שלום שטיהעלמאכער און פרוי

(פון בעלז—בעס. גוב.) גרים זיינע מינרער סאניען, אהרן פידלער און קינד אין ווארשע סענאטארסקאיא 10 בעט שרייבען.

בנימין, פרומא איזמאן

(פון מאראקי בעס. גוב.) גריסט נפתל'ן פיכמאן מיט משה'ן ארענשטיין אין ווארשע, דיקאיא $^{26}/_{20}$, בעט שרייבען.

בנימין, פרימא איזמאן

(פון מאראקי בעס. גוב.) גריסט דער טאכטער מאני'ן, דוד און קינד קיין פינסק אויף סאבארנאיא אין איסאק גאטליבס הויז בעט שרייבען.

חנה סיליאנסקי

(ביעלאזעריע קיעוו. גוב.) גריסט שלמה צמח, ווארשא זלאטא $^{63}/_{7}$, בעט שרייבען.

יהודה מאיר-ינקעלשטיין

(ווראסלאווסקיא 5 אין קיעוו) איז געזונט און גריסט זיין מוטער, ברידער און שוועסטער, בעט שרייבען.

שאול זאראכאוויטש מיט דער פאמיליע

גריסען זייער זון נחמיה. זיי זענען געזונד, וואוינען אין סטאלין. זיי בעטען נחמיה'ן זיי מיטטהיילען דורך די צייטונגען.

שמריהו ערליכמאן און פרוי

(פון מאראקי בעס. גוב.) גריסט זיין זוהן אברהם אין לאדז, צעגעלנאיא 59 אין גאלדענבערגס הויז. בעט שרייבען.

עס איז ערשינען פון דרוק די צווייטע אויפלאגע

די באלשעוויסטישע הגדה.

פון דעם טונקעלען

עס איז ארוס פון דרוק
א נייע ביכל
פון טונקעלען

„אידישיסטען"

א קאמישער מאנאלאג פון א אידען

— פרייז פאר איין עקזעמפליאר אהן פארטא 50 קאפ. —

באשטעלונגען ווערען ארויסגעשיקט נאר ביים באקומען דאס באטרעף.

אדרעס: בוכהאנדלונג מ. ה. גאלדפיין .Кіевъ, Б.-Васильковская 43

פרייטאג 12 אפריל איז ארויס פון דרוק דער נומער 2—3 מאנאטליך זשורנאל „יודישע נייע לעבען"

אינהאלט: א) דאס נייע עווינע אלטע אידישע לעבען, ב) וואו איז די הילף צום אידישן פאלק? ג) ויגדל משה ויצא אל אחיו, ד) די מלחמה צווישן דעם אירעאל און ענאאיזם, ה) די אידישע קהלה און דער נאציאנאל-ראט אין קיעוו, ו) תורת ישראל והרת העמים (אויף העברעאישע שפראך) ז) די אידישע האלבע שמחה, ח) על הרבנן תחיה—אויף דיין שווערד וועסטו לעבן. געשריבן 20 יולי 1914—נור דאן האט די צענזור ניט ערלויבט צום דרוקן ט) פעליעטאן: דער טויט ווייזט דעם אמת, אויך נאך אנדערע שרייבונגען. ס'נעמט זיך אן אבאנעמענט ביז יולי מאנאט 3 רוב. מיט 50 קאפ.

רעדאקציע פון זשורנאל „יודישע נייע לעבען" קיעוו, דמיטריעווער גאס, נאמער 44 וואוינונג 6

דרוקעריי „התחיה" קיעוו, גרויס-וואסילקאווסקאיא 27.

אויף דער וואך

ארגאן פון ציוניסטישען געדאנק.

ДЕРЪ ТЕЛЕГРАФЪ
„ОЙФЪ ДЕРЪ ВАХЪ“
КІЕВЪ,
Б.-Васильковская 72.

ערשיינט
וועכענטליך.
№ 4.

פרייז 70 קאפ.
דער פרייז פאר מודעות:
א פעטיט-שורה—75 קאפ.
די רעדאקציע איז אפען פון 11 ביז 1.

פרייטאג, 3 מאי 1918 קיעוו. כ'א אייר. התרע'ח.

אינהאלט: נאך דער איבערקערעניש; מ. גראסמאן: אונזער פאזיציע; מ. נ. סירקין: רייכס-פוילש-אוקראיניש (צווייטער ארטיקל); מ. זינגער: נייע ארגאניזאציעס און אלטע ווערטער; ש. שרייער: סאציאל-נייע פראגען; ש. האמעלסקי: הרמן כהן—דער איד; דאס אידישע לעבען אויף אוקראינע; אין קיעווער אידישער קהלה; אין דער אידישער וועלט צווישען אנדערע פעלקער; די ציוניסטישע באוועגונג; ארץ-ישראל; ליטערארישע נייעס; לעצטע ידיעות.

צוליב דעם יקרות אויף פאפיר און דרוק-מאטעריאלען, ווי אויך דעם נייעם פאסט-טאריף זיינען מיר געצוואונגען צו העכערען דעם פרייז ביז 70 קאפ. פאר א נומער.

אין גיכען הויבט אן ווידער צו ערשיינען

די גרויסע טעגליכע צייטונג

„דער טעלעגראף“

ארגאן פון ציוניסטישען געדאנק.

„דער טעלעגראף“ וועט זיך דרוקען אויף א ראטאציאנס-מאשין און וועט ארויס פינקטליך און רעגעלמעסיג.

אלע אגענטען און ארגאניזאציעס ווערען געבעטען תיכף ליקווידירען זייערע חשבונות און אבמעלדען זיך פאר די ערשטע דריי נומערן „אויף דער וואך“.

אויף דער וואַך

ארגאַן פון ציוניסטישען געדאַנק

„ДЕРЪ ТЕЛЕГРАФЪ“,
„ОЙФЪ ДЕРЪ ВАХЪ“
KIEBЪ,
Б.-Васильковская 72.

ערשיינט
וועכענטליך.
№ 4.

פרייז 70 קאָפּ.
דער פרייז פאר מודעות:
א פעטיט-שורה — 75 קאָפּ.
די רעדאַקציע איז אפען פון 11 ביז 1.

פרייטאג, 3 מאי 1918 קיעוו. כ״א אייר, התרע״ח.

אינהאַלט: נאָך דער איבערקערעניש; מ. גראָסמאַן: אונזער פּאָזיציע; ס. נ. סירקין: דײַטש-פּויליש-אוקראַיניש (צווײַטער אַרטיקל); מ. זינגער: נײַע אָריענטאַציעס און אַלטע ווערטער; ש. שרײַער: אַנ׳אַלט-נײַע פראַגע; ש. האַמעלסקי: הרמן כהן—דער איד; דאָס אידישע לעבען אויף אוקראַינע; אין אידישען נאַציאָנאַל-ראַט; אין דער אידישער וועלט; צווישען אַנדערע פעלקער; די ציוניסטישע באַוועגונג; ארץ-ישראל; ליטעראַרישע נײַעס; לעצטע ידיעות.

נאָך דער איבערקערעניש.

קיעוו, 1-טען מאי.

אין אַנ׳אַטמאָספער פון אַלגעמײַנער גלײַכגילטיגקײַט, און אַפּאַטיע זײַנען איף דער פּאָליטישער סצענע פּלוצלינג אַרויס יענע פריצישע רעאַקציאָנערע עלעמענטען, העלדען פון אַמאָל, וועלכע האָבען זיך ביז איצט געהאַט באַהאַלטען אין די טונקעלע ווינקעלעך. גלײַכצײַטיג מיט דעם גרויסשטײַגעריש אינסצענירטען צוזאַמענפאָר פון „כלעבאָראָבען“ איז פּראָקלאַמירט געוואָרען די הערשאַפט פון׳ם העטמאַן, פונאַנדערגעלאָזט געוואָרען די ראַדע, אָרגאַניזירט געוואָרען אַ ווײַסע גוואַרדיע און אַרעסטירט אַ רײַהע מיניסטאָרען און פּאָליטישע טוער. די נײַע „גראַמאָטע“ וועגען דער מלוכה-אָרדנונג פון אוקראַינע קערט אונז אום צו יענע צײַטען, וועלכע האָבען שוין אָנגעהויבען אויסוועבען זיך פון אונזער זכרון, ניט רעדענדיג שוין וועגען אַ שטילשווײַגענדען מכח וועלכע עס איז נאַציאָנאַלע רעכט.

די רעגירונג פון דער אוקראַינישער פאָלקס-רעפּובליק צוזאַמען מיט דער ראַדע האָבען דערבײַ ניט נור ניט באַקומען קיין שום שטיצע און הילף פון יענע באַוואָפענטע כחות וואָס זײַנען ערשט ניט לאַנג געקומען אַהער צו קעמפפען האַנד בײַ האַנד מיט זיי נעגען די באָלשעוויקעס, נאָר, פאַרקערט, די נעכטיגע פרײַנד האָבען דורך זייער „נייטראַליטעט“ פאַרצוימט פאַר דער רעגירונג אַלע וועגען צום ווידערשטאַנד, פאַרנעמענדיג דעם טעלעגראַף, טעלעפאָן, די אײַזענבאַהן און אַנטוואָפענדיג די סאָלדאַטען, און איזאָלירט פון אַלעמען—פון רעכטס און לינקס—איז אויסגעגאַנגען די ראַדע. די מאַכט האָט דערבײַ געמאַכט אַ מורא׳דיגען שפּרונג, אַרויספאַלענדיג פון די לינקע סאָציאַליסטישע הענד און אַרײַנפאַלענדיג אין די הענד פון דער עקסטרעם-רעכטער רעאַקציע.

אמת, די איבערקערעניש איז געווען ניט אין גאַנצען אומגערוואַרטעט. דער פּאָליטישער האָריזאָנט איז שוין זײַט עטליכע וואָכען געווען באַלעגט מיט פאַרדעכטיגע וואָלקענס. אין די לײַכטזיניגע גלײַכגילטיגקײַט פון דער ראַדע בנוגע צו די אַלע נײַע פאַרדעכטיגע ערשײַנונגען איז אפשר געווען איינע פון די סבות, וועלכע האָבען געמאַכט מעגליך די איבערקערעניש אַזוי לײַכט, כמעט אָהן אַ ווידערשטאַנד.

די נײַע רעוואָלוציע האָט, ווי עס שײַנט, פאַר זיך קלאָרע און קאָנקרעטע אויפגאַבען און צילען, וואָס זײַנען פאַר אונז אַ סם המות,—און דאָך האָט זי ווידער פאַרפּלאָנטערט און פאַרערגערט די פּאָליטישע לאַגע, אַרײַנוואַרפענדיג דאָס לאַנד אין רשות פון איין עקסטרעמער מאַכט אין דער אַנדערער. אמת, ס׳איז נאָך גענוי שווער צו זאָגען, ווער עס זײַנען די העלדען פון׳ם לעצטען אַקט, ווער הינטער זיי, אָבער דאָס, וואָס מיר זעהען לעת עתה איז אַ פעאָדאַלע רעאַקציע מיט מאָנאַרכיסטישע טענדענצען און מיט דער כונה צו ליקווידירען די עראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע.

דעריבער, אויב מיר וועלען נעמען אין באַטראַכט די הײַנטיגע סיטואַציע, זײַנען די לי-

ניען פון אונזער טאקטיק אין דער נאהענסטער צייט קלאר און קאטעגאריש: בנוגע צו די נייע הערשענדע פאליטישע כחות, בנוגע צו דער ארגאניזירטער רעאקציע און אירע אלע פארבארגענע און אפענע אנפידער, וועלען מיר שטעהען אין דער שארפסטער אפאזיציע. ניט מיט ברויט און זאלץ, ווי עס חלומ'ט זיך אפשר איינינע קרייזען פון אונזער גרויס-בורזשואזיע, וועלען מיר זיי באגעגענען, נאר מיט קאמפס-רופען און שנאה.

מיר געבען זיך אב דערביי א דין-וחשבון. מיר ווייסען גוט, וואוהין עס וועט אונז ברענגען די נייע ווענדונג. די כוואליעס פון דער אלגעמיינער רעאקציע טראגען מיט זיך די טרויעריגסטע אנטוישונגען אייך פאר די נאציאנאלע מינדערהייטען: די אידישע פרייהייט—אונזער נאציאנאל-פערסאנאלע אווטאנאמיע—און ווער ווייסט, אפשר א טייל פון אונזער בירגערליכע רעכט, זיינען אין דער גרעסטער סכנה.

מיר האפען דעריבער, אז די גאנצע אידישע געזעלשאפט וועט זיך באוואוסטזיניג און אויסגעהאלטען באציהען צו דער נייער לאגע און פארנעמען א העררינע פאזיציע אינ'ם פאליטישען קאמף, וועלכער עס איז אונז באשערט צו פירען מיט די בעלי-הבתים פונ'ם היינטיגען טאג. מיר קענען ניט ביטען אונזערע סימפאטיען און פאליטישע איבערצייגונגען לויט דעם בלאזען פון די פאליטישע ווינטען, ווען עס זאלען אפילו לויערן איבער אונז ערנסטע דראהונגען.

די פאליטישע סיטואציע דיקטירט אונז אויך אונזער טאקטיק בנוגע צו די אינערליכסטע ענינים פון אידישען פאליטישען און געזעלשאפטליכען לעבען. גרעסער, ווי ווען-עס-איז איז די סכנה און דרינגענדער ווי ווען-עס-איז איז נויטיג גיכער צו פארשטארקען די פאזיציעס פון אונזער אווטאנאמיע. איצט דארף ענדליך געשאפען ווערען דער אידישער נאציאנאלער פראנט, וועגען וועלכען מיר האבען גערעדט די גאנצע צייט, געווארנט געגען די אויסערליכע און אינערליכע שונאים, די פארביסענסטע געגנער פון דער גאנצער אידישער דעמאקראטיע. איצט דארף מען מאכען א סוף צו דער אומפאראנטווארטליכער שפיל מיט די ארגאנען פון אונזער אווטאנאמיע, מיט דער דיקטאטור פונ'ם אנטיציוניסטישען בלאק.

ס'איז געקומען די צייט אויסקלאוזען די פארטייאישע ספעקולאציע מיט'ן אידישען מיניסטעריום און „נאציאנאל-ראט", איצט מוזען געמיינזאם ארבייטען אלע—פון „בונד" ביז „אחדות ישראל"—אויפ'ן יסוד פון דער אמת'ער כח-פארהעלטעניש אינ'ם אידישען פאלק. איצט דארף מען רעקאנסטרואירען דעם נאציאנאל-ראט און צונויפרופען וואס גיכער א צוזאמענפאר פון די אידישע קהלות, בויען און שאפען אויף געזונטע נארמאלע יסודות.

אונזער פאזיציע.

וואס גרעסער עס ווערט די צאל פון אידישע נאציאנאלע אינסטיטוציעס אויף אוקראינע, וואס רייכער און פילפארביגער עס אנטוויקעלט זיך דאס אידישע פאליטישע לעבען, אלץ פארפלאנטערטער זעהען אויס די באציהונגען צווישען די איינצעלנע פארטייען, וואס באטייליגען זיך אין דעם אזוי נאטירליכען אידעען-קאמף, און אלץ פארדרעהטער דער קנויל פון געגענזייטיגען אומפארטרויען, בלבולים און ביזוויליגע רכילות. באזונדערס ליידעט דערפון די ציוניסטישע ארגאניזאציע, ווייל אירע אמת'ע מיינונג און שטימען ווערען לעצטענס כסדר פארהילכט און פארשריהען דורך דעם אויסגעהאלטענעם איינטאגיגען חבר'שען כאר פון אלע אידישע סאציאליסטישע פארטייען און זייערע טיטלויפער. אונזער קלארע און קאנסעקווענטע פרינציפיעלע פאזיציע בנוגע צו די פארשידענע אינסטיטוציעס, וועלכע דארפען זיין די טרעגער און דורכפירער פון דער נאציאנאל-פערסאנאלער אווטאנאמיע, דערגרייכט צום ברייטען אידישען עולם, בפרט אין דער פראווינץ, אין אזא שארושירטען און פארדרעהטען אויסזעהן, אז אפילו ציוניסטען גופא שאקלען זיך אב אין א שרעק, ניט פארשטעהענדיג די אדער אנדערע ארויסטרעטונג, די אדער אנדערע האנדלונג, ווייל אנשטאט לויטערע פנים'ער זעהט מען נאר פארקרימטע מאסקעס פון א ביליגען פאליטישען מאסקאראד.

אונזערע געגנער און פיינט נוצען דערביי גרויסארטיג אויס ניט בלויז דעם צופאל, וואס זיי פארמאגען צייטווייליג א טעגליכע פרעסע, וועלכע האט דערביי שוין לאנג פארלוירען די בושה ביי איבערגעבען פאקטען, נאר אויך דעם גאנצען מלוכה-אפאראט פון דעם אידישען מיניסטעריום מיט זיינע דירעקטארען, אינסטרוקטארען און פשוט באאמטע. דארטען, וואו עס רעדט אין ציוניסטישער פארטייטער און עס ווערט פארגעלייגט אין ציוניסטישע דעקלאראציע, שפראצען אויס תיכף ומיד, ווי פון אונטער דר'ערד, פיר אנדערע געגנערישע פארטייטער און פיר פיינדליכע דעקלאראציעס, וואס ווערען דערצו געשטעמפעלט מיט'ן מלוכה'שען אויטאריטעט און באארבייט דערנאך אין דער היימישער פרעסע. און דעריבער קאן מען בשום אופן ניט דערגעהען דעם אמת און די ווירקליכע שטעלונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע צו די פיר וויכטיגסטע פאליטישע טאגספראגען: צום אידישען מיניסטעריום, אלס אינסטיטוציע בכלל און צום אידישען מיניסטער בפרט, צום פארפארלאמענט און דעם געשטאלט פון די סאציאליסטישע געוועזענער,

צו דיר אידישער גרינדונגס-פארזאמלונג און ענדליך צו דער אנגעוועהטאטער שפראכען-פראגע אין צוזאמענהאנג מיט דער אידישער געזעצגעבונג אין דער ראדע וועלען מיר עס קלאר מאכען.

וועגען דעם, אז אונז זיינען ניט ווייניגער, ווי די אידישע סאציאליסטען, טייער די ערארבערונגען פון דער רעוואלוציע, בפרט די נאציאנאל-פערסאנאלע אווטאנאמיע, דארפען מיר ניט רעדען א סך. אז מיר אנערקענען אין פרינציפ דאס אידישע מיניסטעריום, אלס אזעלכעס, אלס א אידישע אינסטיטוציע און א אויספירונגס-ארגאן פון דעם אווטאנאמען אידענטום אויף אוקראינע—דאס פארשטעהט זיך פון זיך אליין, אלס א פועל-יוצא פון אונזער באציהונג צו דער אווטאנאמיע. מיר זיינען קיין מאל ניט געווען געגען א אידישען מיניסטעריום בכלל און באטייליגען זיך אפילו אין דעם אדמיניסטראטיווען ראט, וואס קאנטראלירט די וואהלען אין די קהילות, אבער מיר מיינען, אז ס'וואלט גלייכער און בעסער געווען, ווען דאס קינד זאל האבען אנ'אנדער נאמען און אנ'אנדער קאנסטרוקציע, אז אנשטאט א מיניסטעריום, וואס איז קודם כל אנ'אוקראינישער מלוכה-אינסטיטוט, זאל בעסער געשאפען ווערען א אידישער סטאטס-סעקרעטאריאט, וואס איז ניט אזוי פארבונדען און פארקניפט מיט'ן אלגעמיינעם אוקראינישען מיניסטעריום און זיין פאליטיק. דאך, ניט קוקענדיג אויף דעם פרינציפיעלען הלוקת-דעות, וואלטען מיר ביז דער אידישער גרינדונגס-פארזאמלונג נעהענטער געשטאנען צום מיניסטעריום, ווען ניט דער מיניסטער, דאס הייסט, ווען די ארט און אופן, ווי און דורך וועמען עס ווערט באשטימט דער מיניסטער זאל אונז ניט אבטרייבען פון דער אנשטאלט, וואס מיר אנערקענען פרינציפיעל.

רעכענענדיג זיך מיט רעאלע פאקטען, זיינען מיר ניט געווען געגען א אידישען מיניסטעריום בכלל, נאר בלויז געגען א אידישען מיניסטער, וואס ווערט באשטימט נאר פון דער סקאנדאליעזער אינסטיטוציע, וועלכע הייסט „נאציאנאל-ראט" און באשטעהט דערצו פון דער ראדע, בשעת ער האט ניט באקומען פאראויס דעם פארטרויאונס-וואטום פון אנ'אווטאריטעטען אידישען נאציאנאלען ארגאן. כל זמן דער אידישער מיניסטער וועט ניט אויסגעוועהלט ווערען פון א אידישער פאלקס-פארטרעטונג, באטראכטען מיר אים אלס א בעאמטען, וואס פארשוועכט בלויז דעם הויכען ארט און נאמען. ווייל מען אבער פארט האבען א פערזאן, וואס זאל פארוואלטען מיט די געשעפטען פון דעם באשטעהענדען מיניסטעריום, קען מען זיך באגנוגענען מיט א פארוואלטער, מיט א אופראוולאיושטשי. אז צווישען א מיניסטער און א פארוואלטער איז פאראן א גרויסער חלוק זעהט מען דערפון, וואס די „פאראייניגטע" נעפינען, למשל, פאר זיך מעגליך צו געבען זייערען א חבר פאר'ן פאסטען פון א וויצע-מיניסטער, א באאמטען, און ניט געבען א מיניסטער גופא.

אויסער די פרינציפיעלע סבות באטראכטען מיר אלס א איראניע דעם פאקט, וואס א פארטרעטער פון יענער פארטיי, וואס מען רופט זי אין פעטראגראד „סלאבאסילנאיא קאמאנדא" זאל גראד ווערען דער ראש פונ'ם אידענטום אויף אוקראינע. דאס באווייזט, אז מען וויל, מיר זאלען זיך ניט באטייליגען אין דער ארבייט פון מיניסטעריום; מען באפרייט ניט דעם וועג צו אנ'אויסגלייך, נאר מען כפל'ט די טעות'ן און פארמערט די מניעות און שטערונגען טאר א פארטיי, וואס שטעהט אויפ'ן באדען פון פרינציפען און קען זיך ניט אוועקלאזען אויפ'ן מסכונ'דיגען וועג פון איינינע סאציאל-ספעקוליאנטען.

וועגען אונזער באציהונג צום נאציאנאל-ראט האבען מיר שוין אפט געשריבען. מיר האבען ניט געקענט זיין געגען א נאציאנאל-ראט בכלל שוין דערפאר, ווייל דאס איז א אינסטיטוציע און אנ'ארגאן פון דער אויטאנאמיע, נאר מיר זיינען געגען אזא נאציאנאל-ראט, וואס באפרידיגט ניט אפילו די פאדערונגען, וועלכע מען שטעלט צו א צייטווייליגער אינסטיטוציע. דאס אידענטום מאר ניט מעכאניש צוטיילט ווערען אויף פינף גלייכע חלקים און זיין גורל דארף ניט איבערגעגעבען ווערען אין די הענד פון פארטייאישע קלייזלאך. און כל זמן דער צייטווייליגער נאציאנאלער ראט וועט ניט רעקאנסטרואירט ווערען אויף נייע יסודות, כל זמן ער וועט ניט דערפרישט ווערען מיט אנדערע עלעמענטען, וועלען מיר אין אים קיין מאל קיין אנטייל ניט נעמען, טארען מיר אהינצו ניט געהען, אויב מיר ווילען ניט פארלאזען אונזער אויסגעהאלטענע פאזיציע, דעם איינציג ריכטיגען פרינציפיעלען שטאנדפונקט.

וואס איז נוגע דעם פארפארלאמענט, האבען מיר בכלל ניט קיין חשק צו אזעלכע מיני אינסטיטוציעס. דאך, נעמענדיג אין אכט די פאליטישע לאגע, וואלט מען געקענט געהען צייטווייליג אויף א פשרה, אויב מיר וואלטען זיך ניט אנגעשטויסען אויף דער „אידעע פיקס" פון די סאציאליסטישע פארטייען, אז זיי מוזען אונבאדינגט זיין אין דער מערהייט. און ווייל זיי ווילען האבען א פארפאנצערטע מערהייט, זיינען זיי עובר אויף אלץ: אויף דעמאקראטיזם, יושר, גערעכטיגקייט—און שאפען... א פארפארלאמענט פון 50 מיטגלידער פונ'ם לעבעדיגען „נאציאנאל-ראט" צוזאמען מיט 75 פארשטעהער פון קהלות, פאראזאס

65 און ניט 100 איז קלאָר: בלויז ביי דעם צאָל קענען זיי האָבען די געווינשטע מערהייט. געהען אין אַזאַ פאָרפּאַרלאַמענט, וואָלט געהייסען סאַנקציאָנירען די עולה, די דיקטאַטור פון „פאַראייניגטע" און בונד", מאַכען אַ חל פונ׳ם געדאַנק וועגען אַ פאָלקספאַרטרעטונג.

און מיר וועלען ניט געהען אין זייער פאָרפּאַרלאַמענט. כדי אָבער אָבצוהיטען די אַוטאָנאָמיע, דאַרף מען שאַפען אַ צייטווייליגע פאָרטרעטונג, דאָס קאָן געטון ווערען אָבער בלויז אויפ׳ן יסוד פון אַ סיסטעם פון וואַהלען—און דאָס קאָן נאָר מאַכען דער צוזאַמענפאָר פון דעמאָקראַטישע קהלות. מען קען זאָגען, אַז דאָס איז נאָך ווייט פון אַ אידעאַל, אָבער קיינער וועט זיך ניט דערוועגען צו רעדען וועגען אַ סוראָגאַט אָדער נאָר אַ פאַלסיפיקאַציע, ווי וועגען „זייער פאָרפּאַרלאַמענט".

אַ נאַציאָנאַלע גרינדונגס-פאַרזאַמלונג איז געווען און בלייבט אונזער איינציגסטער וואונש און נאָהענטסטע פּאָליטישע הויפּט-אויפגאַבע. אין דעם געהען מיר זיך צונויף מיט אַלע איבעריגע פּאַרטייען, הגם זיי ווילען פאָרט פאַרציהען אַביסעלע די וואַהלען, כדי דערווייל צו הערשען אין דעם מיניסטעריום און „נאַציאָנאַל-ראַט". צוליב דער מאַכט וויל מען האָבען אַ פאָרפּאַרלאַמענט, וויל מען גאַנץ אוקראַינע פאַרוואַנדלען אין איין וואַהל-באַצירק, צוליב פּאַרטיי-אינטערעסען וויל מען קאָמפּראָמעטירען די וואַהלען דורך דעם, וואָס זיי וועלען אָנגעפירט ווערען פונ׳ם נאַציאָנאַל-ראַט. מיר, וואָס ווילען הערען די פּראָווינץ, זיינען פאַר עטליכע וואַהל-באַצירקען און פאַר אַ הויפּט-וואַהל-קאָמיסיע ביים אידישען מיניסטעריום, ביי אַ מלוכה׳שער אינסטיטוציע.

און צוליעב וועגען דער שפּראַכען-פראַגע. מיר זיינען ניט געגען אידיש, אַ טייל פון אונז איז אַפילו פאַר אידיש אַלס די למוד-שפּראַך אין די שולען. מיר זיינען אויך פאַר אידישע סעמינאַרען, פאַרלאַגען און אַזוי ווייטער. אידיש איז אונז ליב און טייער ניט ווייניגער, ווי די נעכטיגע אַסימילאַנטען און געוועזענע ציוניסטען-סאָציאַליסטען. אָבער מיר פאַרלאַנגען, אַז ענדגילטיג זאָלען די פראַגען געלעזט ווערען פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, אַז די ביידע שפּראַכען זאָלען לכל הפחות האָבען די זעלבע רעכט, אַז העברעאישע גימנאַזיעס זאָל מען ציניש ניט צווינגען אַריבערצוגעהען צו אידיש, אַז ביכער זאָל מען אַרויסגעבען אין ביידע שפּראַכען, אַז די למוד-שפּראַך פון סעמינאַריום זאָל ניט באַשטימט ווערען דווקא פון דער ראַדע, נאָר פון אַ אידישער אינסטיטוציע. און הגם מיר זיינען געגען דעם איצטיגען „נאַציאָנאַל-ראַט" איז אונז שוין פיל ליבער, אַז ער זאָל דעקרעטירען אידיש, איידער די ראַדע העברעאיש, ווייל דעם ערשטען באַשלוס קענען מיר תמיד ענדערען, דעם לעצטען שווערליך.

און כל זמן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען וועלען געהען אויפ׳ן וועג פון אוזורפּאַציע, דיקטאַטור און פאַלסיפיקאַציע, וועלען מיר מיט זיי קיין מגע ומשא ניט האָבען. זיי—„מאַכען פּאָליטיק". מיר האָבען אַ אויסגעהאַלטענע פּרינציפּיעלע פּאָליטישע ליניע; זיי—דינען דעם סאָציאַליסטישען בעל-הבית און זוכען ביי אים אַ סאַנקציע, און מיר נאָר דעם אידישען פאָלק; זיי האָבען אין זין דעם היינטיגען טאָג, מיר די צוקונפט. דעריבער געהען מיר אין פאַרשידענע וועגע.

אונזער פּאָזיציע איז קלאָר, גלייך און לויטער—און עס וועט זיך קיינעם ניט איינגעבען צו פאַלסיפיצירען און פאַרדרעהען אונזער אמת׳ע מיינונגען און כוונות.

מ. גראָסמאַן.

דייטש-אוקראַיניש-פּויליש.

(פּאָליטישע פּאַראַדאָקסען.)

צווייטער אַרטיקעל.

3.

וואָס פאַר אַ ווירקונג וועט האָבען דער וואַקסענדער פּוילישער איינפלוס אויף די אידישע נאַציאָנאַל-פּאָליטישע אינטערעסען? אַזאַ פראַגע צו שטעלען און זוכען די ריכטיגע וועגען ווי צו פאַרמיידען שלעכטע רעזולטאַטען—איז קיין מאָל נישט צו פריה. דער פּאָליטיקער דאַרף קוקען נישט הינטער זיך, נאָר פאַר זיך. דער היסטאָריקער וואַרפט רעטראָספּעקטיווע בליקען, דער פּאָליטיקער דאַרף האָבען אין אויג די פּערספּעקטיווע.

מיר דאַרפען זיך נאָר נישט פאַרטיפען אין דער גרוי-גרויער פאַרגאַנגענהייט, כדי פאָראויסצוזעהען, וואָס פאַר אַ חורבן עס ערוואַרט דאָס אידענטום, ווען דער פּוילישער איינפלוס וועט זיך פאַרברייטערען נישט נאָר אויף דעם עטנאָגראַפישען פּוילען, נאָר אויך אויף דעם אימפּעריאַליסטיש-פּאָליטישען שטיק לאַנד, וואָס די פּוילישע פּאָליטיקער וועלען ערשט אַריינציהען אין זייער נעץ—אין די ליניען פון זייער השפּעה. די פּאָליאַקען זיינען ווי די מאַדיאַרען אַ פאָלק מיט אַ פּריוויליגירטער פּסיכאָלאָגיע, מיט הערשער-טראַדיציעס, מיט אַ איינרעדעניש פון אַ אתה בחרתנו-פאָלק. געבען זיך וועלען זיי בשום אופן נישט צולאָזען קיין אַנדער נאַציאָן

און וועלען קיין מאָל נישט אַנערקענען פאַר אַ מינדערהייטס-פאָלק נאַציאָנאַלע רעכט. ביי זיי איז בכלל נישטאָ קיין נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פאַר פעלקער וועלכע לעבען צווישען זיי. פאַר זיי איז יעדע פרעמדע נאַציאָן אָדער אַ רעליגיאָנס-גרופּע, ווי די אידען, אָדער העכסטענס אַ סאָציאַלע גרופּע, ווי די רוסינער (אוקראַינצעס אין גאַליציע) פאַר אַ רעליגיאָנס-גרופּע האָבען זיי—און דאָס אויך נאָר אויפ׳ן פּאַפּיר—איין איינציגע רפואה—טאָלעראַנץ. זיי לאָזען איר גרויסמוטיג לעבען ביי זיך, זיי לײדען זי און זיי זיינען איר מוחל, וואָס זי לעבט אויף דער וועלט.

„וואָס דו אַרבעטסט אויף מיין ערד און ווילסט אויף איר דיינע קינדער מפרנס זיין —
איך דיר מוחל, — זאָגט דער גענעראַל סוויענטאָכאָווסקי אויפ׳ן קבר פון חיה רובין (אין זיין ערצעהלונג „חוה רובין").

און ווי נאָר די רעליגיאָנס-גרופּע ווערט אַ סאָציאַלע גרופּע, האָט מען פאַר איר שוין אַן אַנדער רפואה—דער עקאָנאָמישער קאַמף אָהן רחמנות און אָהן אויפהער. נישט אומזיסט ליגט פּוילען געאָגראַפיש צווישען פּרייסען און אונגאַרן. אין נאַציאָנאַלע פראַגען האָט זי זיך פון וועמען צו לערנען, בפרט נאָך אַז זי קען אַליין זיין אַ גוטע לערערקע אין הלכות רדיפות.

עס איז מערקווירדיג, אַז אין דער הינזיכט שטעהט פּוילען פון 20-טען יאָהרהונדערט אַ סך ערגער און מער רעאַקציאָנערער ווי צום סוף פון 18-טען יאָהרהונדערט. דאַמאָלס האָט פּוילען חאָטש אַנערקענט אין באַדינגונג, ביי וועלכער זי האָט אידען „געשענקט" גלייכבערעכטיגונג—די אַסימילאַציע. פאַר דעם פּרייז האָט זי יאָ געוואָלט אַנערקענען די אידען אַלס אַ גלייכבערעכטיגטען טייל—געוויס נישט אַלס אַ באַזונדערע נאַציאָן. אין דער הינזיכט איז זעהר אינטערעסאַנט די אַנאָנימע בראָשור פון יאָהר 1780: „די אידען אָדער די נויטיגקייט פון אידישע רעפאָרמען אין דער פּוילישער רעפּובליק", אין וועלכער עס רעדט זיך מכח אַ שטענדיגען „שלום" צווישען די ביידע קעמפפענדע נאַציאָנען. די באַדינגונגען פון „שלום צווישען די צוויי נאַציאָנען" זיינען מערקווירדיג: די אָבשאַפונג פון דער אידישער זעלבסט-פאַרוואַלטונג, פאַרמאַכען אַלע אידישע דרוקערייען, פאַרווערען איינצופירען העברעאישע ביכער און אַזוי ווייטער. אַ ביסעל שפּעטער, אין דעם יאָהר 1818, איז געקומען אַן אַנדער „אידען-פריינד", דער גענעראַל K. און נאָך מוסיף געווען צו דעם שלום-פּראָיעקט: פאַרווערען אידען קליידען זיך לויט זייערע מנהגים און געבען זייערע קינדער אַ אידישע ערציהונג.

די באָבע-מעשׂות מכח דער פּוילישער אַנערקענונג פון אידישע בירגערליכע רעכט זיינען איצט שוין אויך האַלב געוואָרען אַ מעשה׳לע פאַר קינדער. אין אמת׳ן האָבען אידען אין פּוילען קיין מאָל נישט געהאַט פולע בירגער-רעכט, נאָר גרעסערע אָדער קלענערע פּריווילעגיעס. אַפילו די קאָנ[illegible] פון מאַי 1791 האָט איי נעפיהרט באַגרענצונגען, שוין נישט רעדענדיג דערפון וואָס אין לעבען איז זי קיין מאָל נישט איינגעפירט געוואָרען. אַ „שלום" מיט אידען האָט אַ באַשטימטע צייט עקזיסטירט אין פּוילען, וואָס האָט נישט געהאַט קיין אייגענעם בירגער-שטאַנד און קיין אייגענעם האַנדעלס-קלאַס. ווי נאָר אָבער זיי האָבען דערפיהלט, אַז [illegible] קענען שוין מיט אייגענע כחות אויספיהרען די ראָזינע אַרבייט און אַליין [illegible]עטען די אידישע פּאָזיציעס, איז פאָרגעקומען דאָס וואָס מיר האָבען שוין מיט אונזערע אויגען געזעהען. דאַמאָלס האָט זיך אָנגעצונדען דער פייער פון דער אָפענער שנאה, כעס און האַס, דאַמאָלס האָט זיך אָנגעהויבען דער עקאָנאָמישער באָיקאָט מיט זיין לאָזונג: להשמיד, להרוג ולאבד את היהודים. דאַמאָלס האָט זיך אָנגעהויבען די הערשונג פון דמאָווסקי און זיין נאַציאָנאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, וואָס האָט איינגעשלונגען גאַנץ פּוילען מיט אַלע אַנדערע פּאָליטישע גרופּען, אַפילו די סאָציאַל-דעמאָקראַטען בתוכם. דאַמאָלס האָט זיך אויך אַרויסגעוויזען, אַז אויך די באָיקאָט-פּאָליטיק איז נישט אַרויסגערופען געוואָרען פון צופעליגע סבות, ווי די יאַגעלאָ-וואַלען אָדער די „ליטוואַקעס" אָדער די אידיש-נאַציאָנאַליסטישע אַגיטאַציע, ווי די אידישע אַסימילאַטאָרען האָבען געפּרובט זיך מנחם אבל זיין. קלאָר און שאַרף שרייבט דמאָווסקי, אַז איבער פּוילען הערשט נישט קיין „ליטוואַקישע" סכנה, נאָר אַ אידישע, אַז געפעהרליך איז פאַר פּוילען די גאַנצע אידישע מאַסע, מיט די אַסימילירטע אידען צוזאַמען.

און איצט, נאָך דער מלחמה, שוין ביים אָנהויב פון דער פּוילישער רעגענטשאַפט, אויפ׳ן שוועל פון דער פּוילישער נייער מלוכה איז פאַר אונז קלאָר, אַז דאָס נייע פּוילען האָט גאָר נישט געלערנט און גאָר נישט פאַרגעסען. די אידען אין פּוילען געפינען זיך און וועלען זיך געפינען אין אַ סך ערגערער לאַגע ווי אין דעם צאַרישען רוסלאַנד. דאָרט איז געגען די אידען געווען נאָר איין קלאַס: די ביוראָקראַטיע, אין פּוילען—אַלע קלאַסען און שטאַנדען, די מאַגנאַטען, די שליאַכטע און דער מיטעלשטאַנד. די באָיקאָט-פּאָליטיק איז געוואָרען דאָס פּויליש-נאַציאָנאַלע פּראָגראַם. וואָס מיר האָבען צו ערוואַרטען פאַר אונזערע פּאָליטיש-נאַציאָנאַלע או

נאַציאָנאַל-קולטורעלע באַדערפעניִשען קענען מיר שוין זעהען פון דעם פּראָיעקט פון דער פוילישער קאָנסטיטוציע, וואָס האָט פאַרפאַסט דער פּראָפעסאָר ציבולאָווסקי. אלס הערשענדע ווערט אָנערקענט די רוימיש-קאַטוילישע רעליגיע, פאַר אַלע אַנדערע וועט זײַן רעליגיאָנס-פרײַהײַט, און דערבײַ איז דאָ נאָך אַ פּונקט — די פאַרטרעטער פון דער אידישער אמונה קענען אין דעם סענאַט נישט צוגעלאָזט ווערען. הײַסט עס אַזוי: נישט קײַן נאַציאָן, נאָר אַ רעליגיאָנס-גרופּע, און אַ רעליגיאָנס-גרופּע מיט פאַרקלענערטע רעכט.

דאָס איז'ן פּאַפּיר, לעגאַל — אין לעבען, רעאַל — די אַלטע באַקאַט-פּאָליטיק פאַר די גרויסע מאַסען און עטליכע חנדלאַך פאַר יחידי-סגולה כל זמן מען דאַרף זײַ נאָך. דערנאָך:

דער שוואַרצער האָט זײַן חוב דערפילט —
דער שוואַרצער קען שוין געהען....

IV.

אהן דער אונטערשטיצונג פון די צענטראַלע מלוכות, אָדער — פּראָסטער געזאָגט — פון דײַטשלאַנד, וועט פוילען זעלבסטפאַרשטענדליך נישט קענען דורכפירען אירע אימפּעריאַליסטישע פּלענער און פאַרברײַטערען אירע גרעניצען ווי עס חלום'ט זיך דעם פּראָפעסאָר ראָמער. צי ס'וועט מנצח זײַן אין פוילען די אַקטיוויסטישע גרופּע פון פירסט ראַדזיוויל און פוילען וועט פאַקטיש אַרײַנטרעטען אין דעם בונד פון די צענטראַלע מלוכות אָדער ס'וועט בלײַבען הערשען די איצטיגע אַהין-און-אַהער-פּאָליטיק פון דעם נײַעם פּרעמיער סטעטשקאָווסקי — קלאָר איז אײנס: דײַטשלאַנד וועט האָבען דעם גרעסטען אײַנפלוס אויך אויף דער אינעוועניגסטער פּאָליטיק פון פוילען. אָהן דער שטיצע פון דײַטשלאַנד וועט פוילען נישט קענען פירען נישט נאָר איר אויסערליכע פּאָליטיק, נאָר אויך איר אינעוועניגסטע פּאָליטיק.

צי קענען מיר, אידען, רעכענען, אַז אין אונזער קאַמף מיט פוילען און אַלע לענדער פון דעם אַמאָליגען רוסלאַנד, אין קאַמף פאַר אונזערע בירגערליכע און נאַציאָנאַלע רעכט וועלען מיר זיך קענען שטיצען אויף דער דײַטשער הילף? געוועהנליך נישט אויף דעם כח פון די דײַטשען ביקסען, צו וועלכע מיר וועלען זיך נישט ווענדען, נאָר אויפ'ן אײַנפלוס פון דעם דײַטשען אויטאָריטעט? צי וועט קענען די מאַכט פון די צענטראַלע מלוכות זײַן פאַר אונז די מאָראַלישע קוועלע, פון וועלכער מיר ערוואַרטען אַ גערעכטען משפּט אין אונזערע נאַציאָנאַלע סכסוכים?

אויף דער דאָזיגער וויכטיגער פראַגע מוזען מיר — וועלליג דער איצטיגער מצב — צום באַדויערן ענטפערן: נײַן!

די דײַטשע פּאָליטיק קוקט נאָך עד היום אויף דער אידען-פראַגע ניט ווי אויף אַ פראַגע פון אינטערנאַציאָנאַלער אויסען-פּאָליטיק, און אויף אַלע דרײַ פראָנטען, וואו זי האָט זיך אָנגעשטויסען מיט דער אידישער פראַגע — פּאַלעסטינאַ, רומעניע און פוילען — האָט דײַטשלאַנד ביז אַהער קײַן קלאָרע פּאָזיציע נישט אָנגענומען.

פון ארץ ישראל שוין אָבגערעדט. אין דער צײַט, ווען ענגלאַנד, אַמעריקא און איצט אויך פראַנקרײַך האָבען אַרויסגעגעבען דעם אידישען פאָלק די היסטאָרישע הויך-פּאָליטישע דעקלאַראַציע באַגנוגענט זיך דײַטשלאַנד בלויז מיט בלײַכע און שוואַכע ערקלערונגען, אַז זי האַלט די אונגעשטערטע אידישע קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל פאַר זעהר וויכטיג און — עד כּאן! בנוגע צו רומעניע האָט ביז אַהער דײַטשלאַנד נישט אויפגעהויבען איר ענטשײַדענע שטים קעגען די מערדערײַען, וואָס זײַנען דאָרט פאָרגעקומען, און די פאָדערונג פון גלײַכבאַרעכטיגונג שטאַמט דערהויפּט ניט פון דײַטשלאַנד, נאָר פון עסטרײַך (גראַף טשערנין).

נישט בעסער איז דײַטשלאַנד'ס פּאָזיציע בנוגע צו דער פראַגע מכּח די אידען אין פוילען.

דײַטשלאַנד וויל נישט אָנערקענען די אידען אין פוילען אַלס אַ באַזונדערע נאַציאָן און אַפילו די קלײַנע הנחות, וואָס דײַטשלאַנד מאַכט אין דעם פּרט אין דער אָקופּירטער ליטאַ וויל זי אין פוילען בשום אופן נישט צולאָזען. בײַ אַלע אונטערהאַנדלונגען מכּח דער מלוכה-אָרדנונג אין פוילען קוקט מען זיך נאָך נישט אַרום אויף די מיליאָנען אידען. פון אײן זײַט באַטראַכט דײַטשלאַנד די אידישע פראַגע פאַר אַ אינעוועניגסטע פויליש-אידישע פראַגע, דער אַלטער שפּיצל און די גוט באַקאַנטע המצאה פון דער „מיש-זיך-נישט" פּאָליטיק. פון דער אַנדערער זײַט — וואו מען דאַרף — מישען זיך די דײַטשען דווקא אַרײַן און שטענדיג מיט היזק פאַר די אידישע אינטערעסען. דײַטשלאַנד האָט אַרויסגעגעבען אַ געזעץ, אין וועלכען די אידען ווערען ערקלערט אַלס אַ רעליגיאָנס-גרופּע, און אידען האָט מען וועגען דעם אַפילו נישט געפרעגט. מען שטיצט די אידישע קלעריקאַלען קעגען דער נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ. אין דעם שולגעזעץ ווערט בפירוש געזאָגט, אַז אידען זײַנען אין דער פראַגע אינגאַנצען אָנגעוויעזענט אָן די פּאָליאַקען און דערבײַ איז נאָך באַשטימט קלאָר און שאַרף, אַז די אידען געהערען נישט צו די נאַציאָנען, וועלכע די פּוילישע קאָנסטיטוציע באַטראַכט

פאַר מינדערהייטס-נאַציאָנען, ווײַל אידען זײַנען אַ רעליגיאָנס-גרופּע און נישט קײַן נאַציאָן. פירט מען שוין יאָ אײַן אין דעם מלוכה-ראַט אײַן אײנציגען אידען, איז דאָס דער פאָרטרעטער פון דער ערגסטער אַסימילאַציע, וועגען וועלכען מען ווײַסט נישט עד היום הזה, צי איז ער נאָך בכלל אַ איד, צי ער האָט שוין זײַן אַסימילאַציע געבראַכט ביז צו איר לעצטען לאָגישען פּועל-יוצא...

אַזוי ווערט געפירט די פּאָליטיק בנוגע צו די אידען אין פוילען. דאָס איז אַלץ הפּנים דער אַלטער וועג. פריהער האָט רוסלאַנד איבערגעגעבען אידען אין די הענד פון די פּאָליאַקען, איצט טוט עס דײַטשלאַנד. די קלײַנע נאַציאָנען זײַנען שטענדיג אַ „משלח-מנות" צוליב וועלכען די גרויסע בעטען זיך איבער אײנע מיט דער אַנדערער. אין עסטרײַך האָבען זיך צוטײלט מיט די קלײַנע נאַציאָנען די דײַטשען און די פּאָליאַקען. די דײַטשען האָבען זיך צוגענומען די טשעכען אין די דרום-סלאַווען, די פּאָליאַקען עסען אויף ביסלעכווײַז די רוסינעס (אוקראַינער); אין אונגאַרן די מאַדיאַרען — די דײַטשען, סלאָוואַקען און רומענער, די כערבען — די כאָרוואַטען; אין אַלע לענדער — עסט מען אידען און אויף זײער רוקען שרײַבט מען די שלום-באַדינגונגען.

V.

וואָס זשע איז דער פּועל-יוצא פון די דאָזיגע „פּאָליטישע פאַראַקטען"? וואָס טויג אונז צו פאַרקוקען זיך אויף מער אָדער ווייניגער ווײַטע פּערספּעקטיווען? צי קענען מיר עפּעס אויפטאָן? צי קענען מיר ענדערען דעם געשאַפענעם צושטאַנד און געפינען וועגען ווי להעביר את רוע הגזרה?

מיר האַלטען, אַז בײַ פּאָליטישע פּראָבלעמען איז גלײַכער קומען צו פריה אײדער צו שפּעט, אין מיר זײַנען איבערצײַגט, אַז מיר טאָרען נישט זײַן פאַרשפּעטיגטע שטומע עדות פון שוין געשעהענע פאַקטען. פאַרקערט, מיר מוזען און מיר קענען אַקטיוו ווירקען אויף אונזער פּאָליטישען מזל.

מיר מוזען אין דעם פאַרפלאָנטערטען צושטאַנד אָנגעהמען צוויי באַשלוסען.

I. מיט אַלע מיטלען און וועגען מוזען מיר זיך דערשלאָגען דערצו, אַז די אידישע פראַגע זאָל אַרויסקומען אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער שלום-קאָנפערענץ, וועלכע דאַרף אָנערקענען דאָס אידיש פאָלק אַלס אײן גאַנצע נאַציע, אײנהײַטליכע אין לאַנד, און דערפון וועלען שוין מסילא זײַן געדרונגען אַלע געזעצען און תקנות, וועלכע קענען גאַראַנטירען אומעטום, אין אַלע תפוצות הגולה, די אידישע נאַציאָנאַלע פולבאַרעכטיגקײַט אויף דעם יסוד פון זעלבסטבאַשטימונג פון נאַציאָנען. מיר קענען נישט און טאָרען נישט דערלאָזען, אַז אין פאַרשידענע לענדער זאָלען מיר זײַן אָנגעוויענט אָן דעם חן און לײַטזעליגקײַט פון פאַרשידענע נאַציאָנען, מיט זײערע פאַרשידענע קאַפּריזען און אײגענע אינטערעסען. מיר מוזען שאַפען אַזאַ צושטאַנד, אַז מיר זאָלען אויפהערען דינען, ווי אַ פּאָליטישע שפּיל-פּילקע צווישען פאַרשידענע נאַציאָנען, זײַן פּאָליטישע מעקלערס פאַר פעלקער, וואָס פירען איבער די אידישע קעפּ אײנער מיט'ן אַנדערען מלחמה.

די אידישע פראַגע מוז ווערען אַ פראַגע פון אינטערנאַציאָנאַלער אויסען-פּאָליטיק נישט נאָר בנוגע צו אונזער פּאַלעסטינישען אידעאַל, נאָר אויך בנוגע צו אונזערע נאַציאָנאַל-פּאָליטישע רעכט אין די גלות-לענדער. מיר, ציוניסטען, זײַנען געווען די ערשטע, וועלכע האָבען די דאָזיגע פאָדערונג אַרויסגעשטעלט פאַר דער גאַנצער וועלט. איצט זײַנען מיר שוין נישט עלענד און אַלײן אין דעם דאָזיגען פּרט. די אידישע פראַגע אַלס אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעם איז שוין אַרויסגעשטעלט געוואָרען נישט נאָר פון אַלע אידישע פּאַרטײַען, נאָר אויך פון די אײַנפלוסרײַכע אַרבײַטער-פּאַרטײַען אין אַמעריקא און ענגלאַנד, ווי אויך פון דעם האָלענדיש-סקאַנדינאַווישען סאָציאַליסטישען קאָמיטעט. די דאָזיגע פאָדערונג שטיצט די דעמאָקראַטיע און די אינטעליגענץ כמעט פון דער גאַנצער וועלט.

II. אין אַלע סכסוכים צווישען פוילען און אוקראַינע וועגען גרעניץ-פראַגען, וואָס וועלען פאָרקומען ביז צום שלום-קאָנגרעס, מוזען מיר, אידען, שטעהען אויף דער זײַט פון דער יונגער דעמאָקראַטישער אוקראַינישער פאָלקס-רעפּובליק.

דאָס איז ניט קײַן אוקראַינישע „אָריענטאַציע" — נאָר אַ אידישע. אין דעם קאַמף צווישען דעם פּריציש-אימפּעריאַליסטישען פוילען און דעמאָקראַטיש-פּראָגרעסיווער אוקראַינע ליגען אונזערע נאַציאָנאַל-אידישע אינטערעסען אויף דער זײַט פון אוקראַינע. / וועט פוילען וועלען פאַרשפּרײַטען איר השפּעה אויף די לענדער פון דער אַמאָליגער לובלינער אוניע, פאַרכאַפּען די גרעניצען פון אוקראַינע, ליטע און ווײַסרוסלאַנד, וועלען מיר מוזען אומעטום אָנווענדען אונזער השפּעה דאָס נישט צו צולאָזען. אונזערע נאַציאָנאַל-אידישע אינטערעסען פּאַסען פּונקט צו די פאָדערונגען פון דער גערעכטיגקײַט, אונזערע נאַציאָנאַלע באַדערפעניִשען שטימען אײַן מיט דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג. — די דעמאָקראַטישע אוקראַינע האָט זי ערשטע, אָהן שום דרוק און קרעטערישע אונטערהאַנדלונגען, אָנערקענט דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַל-פּער-

נאַלער אַווטאָנאָמיע פאַר דער אידישער נאַציאָן, און וואָס ברייטער עס וועלען זיין די גרעניצען פון אוקראַינע—אַלץ שטאַרקער וועלען ווערען אונזערע נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס.

און אַזוי ווי אין דעם קאַמף צווישען דעם צענטראַליסטישען רוסלאַנד און דעם פרייען פעדעראַליסטישען פּרינציפּ זיינען מיר געשטאַנען אויף דער זייט פון דער פרייער אַווטאָנאָמער אוקראַינע—אַזוי וועלען מיר אויך איצט, טראָץ אונזער פּראָגראַם, שטעהען אין די סכסוכים צווישען אימפּעריאַליסטישע אַנגריפען פון פּוילען און נאַציאָנאַלען זעלבסטשוץ פון איקראַינע אויף דער זייט פון אוקראַינע. דאָ איז גערעכטיגקייט. דאָ איז אויך אונזער אידיש-נאַציאָנאַלער אינטערעס.

מ. סירקין.

◆

נייע אָריענטאַציעס און אַלטע ווערטער.*)

איינע פון די ערגסטע און אונדאַנקבּאַרסטע טעמען איז זייט דער מלחמה געוואָרען די טעמאַ וועגען אָריענטאַציעס. אַ סך האָט מען וועגען דעם געשריבען אין אַלע לענדער, נאָך מער האָט מען וועגען דעם גערעדט, געאַמפּערט זיך און געהיצט; און אויך דאָ—אין דער ווערטער-מלחמה—איז געוועזען ניט לייכטער מנצח צו זיין, ווי דאָרט אויף די שלאַכט-פעלדער, וואו עס האָבען גע'מענה'ט שווערע האַרמאַטען און אויסגעהאָלפען זיי האָבען כּל-ערליי מזיקים מיט זייער איינגעאַרטיגען לשון... יעדער צד איז געבליבען ביי זיינע מיינונגען; דערביי, ווי דער שטייגער איז ביי אונז, פלעגט מען אָפט אַראָבגעהען פון'ם „גלייכען וועג", שפּרינגענדיג פון איין זייט צו דער צווייטער, מעין לענין; דאָס וואָרט „אָריענטאַציע" גופא האָט אָפטמאָל פאַר יעדען פון די שטרייטענדע צדדים געהאַט אַ נ'אַנדער טייטש; ביי אייניגע—איבערהויפּט באַלד נאָכדעם, ווי די קאַטאַסטראָפע איז געשעהן—האָט עס געהייסען: „ווער איז דאָ שולדיג", ביי אַנדערע: „ווער-זשע איז שטאַרקער," ביי דריטע: „וועמענס נצחון איז גלייכער פאַר מיר, מיין פאָלק פאַר דעם וועלט-פּראָגרעס בכלל" און אַזוי ווייטער.

אין תּוך גענומען איז די וועלט-מלחמה געוועזען אַ מלחמה צווישען צוויי פעלקער, צווישען ענגלאַנד און דייטשלאַנד. און ווער ס'האָט געהערט וועגען ענגלישען Habeas Corpus אַקט, וועגען ענגלאַנד'ס פריי-אינסטיטוטען, האָט געמיינט, אַז טאָמער חלילה וועט ענגלאַנד ניט געווינען, איז פאַרפאַלען אונזער גאַנצע ציוויליזאַציע, ממש די וועלט וועט חרוב ווערען.—

אמת, ענגלאַנד פירט אַ גוטע און קלוגע קאָלאָניאַלע פּאָליטיק, געוויס אַ פיל בעסערע, ווי דייטשלאַנד, אָבער איז אפשר שוין געקומען די צייט, אַז אַלע קאָלאָניעס זאָלען בכלל האָבען זייער אייגענע פּאָליטיק? אין ענגלאַנד זיינען די פערזענליכע פרייהייטען געשטאַנען אויף דער העכסטער מדרגה, נאָר ביי אַזאַ פאָלק האָבען געקענט געבוירען ווערען אי קאַרלייל, אי אואַלד. זיינען אָבער די דייטשע אוניווערזיטעטען מיט זייערע קאַטעדער-סאָציאַליסטען, אפילו די דייטשע קאַזאַרמען מיט זייערע לייטענאַנטען herribille dictu נאָהנטער צו דער וועלט-אָרדנונג, וועלכע הייסט סאָציאַליזם, און וועגען וועלכער ס'חלום'ען מיליאָנען, די גאַנצע מענשהייט... איז דען ענגלאַנד אַליין ניט אַריבער אין משך פון מלחמה מיט דער דייטשער—ריכטיגער, גערמאַנישער—וועלט-אַנשויאונג צו אַלע ערגסטע מיטלען פון דער לעצטער—ביז'ן מיליטער-דינסט, ביז קריגס-צושטאַנד אין אירלאַנד, ביז אַ קאַבינעט פון קאַרסאָן און לויד-דזשאָרדזש צוזאַמען, און דערביי איז שווער צו זאָגען, ווער פון די ביידע איז ערגער און מער רעאַקציאָנער...

און ווייטער זיינען דען די תנאים, וועלכע זיינען פאָרגעלעגט געוואָרען דורך דער ענגלישער קאָאַליציע צוריק מיט 2 יאָר, אַלס ענטפער אויף ווילסאָנ'ס שלום-פאָרשלאַג, ניט פיל „אימפּעריאַליסטישער", אָדער פּשוט, אַכזריות'דיגער, ווי פון די אַלע דייטשע ראָרבאַך'ס און בערנהאַרד'ס, וועלכע די ענגליש-פראַנצויזישע פּרעסע האָט אַזוי שטאַרק ליב צוציטירען? און האָט דען דייטשלאַנד צוליב אירע נצחונות אויף אונזער מזרח ניט „באַפרייט" פאַקטיש פּוילען, ליטאַ, ווייס-רוסלאַנד, אוקראַינע און אַנדערע, בשעת די צווייטע קאָאַליציע פירט ביז איצט בנוגע צו די קליינע פעלקער אַ פאַלשע און—נאָך ערגער—אַ נאַרישע פּאָליטיק! אַזוי האָט, למשל, פראַנקרייך, פריהער פאַר אַלע אַנדערע מלוכות אָנערקענט אוקראַינע, ווען מען האָט געקאָנט האָפען, אַז צוזאַמען מיט אוקראַינע און רומעניען וועט מען קעמפען געגען די באָלשעוויקעס, איצט אָבער, ווען די לאַגע האָט זיך געביטען, פּובליקירט ענגלאַנד פּראָטעסטען געגען דער אוקראַינישער זעלבסטשטענדיגקייט *). כ'וואָלט געקענט ברענגען נאָך אַ סך אַנדערע פאַרגלייכונגען און פּאַראַלעלען, ווען איך זאָל

---

*) דער אַרטיקעל ווערט געדרוקט אויפ'ן יסוד פון פרייער דיסקוסיע. די רעדאַקציע איז ניט מסכּים ביי די אויספירונגען פונ'ם מחבר.

*) פון דער רעדאַקציע: ה' ווינער האָט אַ טעות. פראַנקרייך און ענגלאַנד האָבען אָנערקענט דעם 3-טען אוניווערסאַל און ניט דעם 4-טען, וועלכער פּראָקלאַמירט „זעלבסטשטענדיגקייט".

רעכענען, אַז אין אַזאַ פראַגע, וואו איין העלפט וועלט שטעהט געגען דער צווייטער, קען מען מכריע זיין און אַרויסטראָגען אַ באַשטימטען און קלאָרען פּסק-דין. איצט, אין ליכט פון אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, הערען מיר, אַז אַפילו אין דער מלחמה צווישען די אַמעריקאַנער שטאַטען, ווען ס'האָט זיך גערעדט וועגען קנעכטשאַפט אין רעאַלען און פּשוט'ען זין פונ'ם וואָרט, איז אויך די גערעכטיגקייט געוועזען ניט אינגאַנצען אויף איין זייט; ביידע צדדים זיינען געוועזען גערעכט און אומגערעכט אין איין און דער זעלבער צייט, פּונקט ווי ביי דעם אַנעקדאָטישען דראַזשנער רב...

כ'בין, נאַטירליך, פון אַ דייטשער אָריענטאַציע ניט ווייניגער ווייט, ווי פון אַ ענגלישער, בפרט איצט ווען די גרעסטע סכּנה פאַר דעם לאַנד, וועלכעס איז געוועזען אַרומגערינגעלט דורך דער דאָפּעלטער בלאָקאַדע פון קריגס-ליניעס, און קריגס-שיפען איז שוין כמעט פאַריבער. נאָר איך וויל בלויז פרעגען אונזער געהערטען חבר מ. הינדעס, ווי איז אים אויסגעקומען אַריינמישען עלעמענטען פון די אָריענטאַציע-חקירות אין אונזער אידישער רעאַלער פּאָליטיק, אין אונזערע אידישע טעגליכע אינטערעסען? (זעה „אויף דער וואַך" № 2).

כ'בין פון די קליינע חסידים פון דעם היימישען הייראַמאַצקען סאָציאַליזם אויף אוקראַינע, דאָך האַלט איך ניט אַזוי נויטיג פון אונזער נאַציאָנאַל-אידישען שטאַנדפּונקט אַריינצוזעהן בעיבי הקורה און אַזוי ציטערן פאַר'ן דין פון דער געשיכטע. אמת, מיר האָבען בנוגע צו דער נייער אוקראַינישער אָריענטאַציע פּונקט אַזאַ דעה, ווי ביי אַלע אַנדערע, אָבער וואו האָט איר דעם ערליכען ניט פאַראינטערעסירטען פּאָליטיקער, וועלכער זאָל איך שוין איצט קענען ענטפערן, צי וועט דער נייער שלום-אָבמאַך זיין גינסטיג פאַר דער צוקונפט פון אוקראַינע, צי ניין? און וואו האָט איר דעם געלערנטען עקאָנאָמיסט, וועלכער זאָל איך קענען שטעלען עקאָנאָמישע פּראָגנאָזען פאַר דער אוקראַינישער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט?.. וועגען דער ניי-געשאַפענער לאַגע קענען מיר דערווייל שרייבען ראָמאַנטיק אָדער פּובליציסטיק, בענקעניש אָדער מיטינג-רעזאָליוציעס—אָבער ניט מער, לחלוט'ן ניט מער!

ה' הינדעס מיינט, אוקראַינע וועט אַ דייטשע קאָלאָניע ווערען און אין אוקראַינע לעבען אַריבער 2 מיליאָן אידען—איז דאָס פאַר אונז אידען זעהר ניט געוואונשען! לאָז זיך דער חבר הינדעס דערמאָנען אַ ביסעל פון אונזער געשיכטע אין פּוילען: ווען און דורך וועמען עס איז אויפגעבויעט געוואָרען די לאָדזשער אינדוסטריע א. אַ. וו. איך פּערזענליך האָב מער מ'ראַ פאַר'ן פּראָצעס פון מאָנאָפּאָליזאַציע אין אַלע פאָרמען. פאַר'ן גאַנצען לאַנד וואָלטען זיי געוויס געוועזען וויכטיגע סאָציאַלע רעפאָרמען, ווען זיי זאָלען דורכגעפירט ווערען ניט אַזוי אַליינריינ און דורך פאַך-לייט,—פאַר אונז אידען אָבער וועלען זיי תמיד בלייבען גזירות און נאָר גזירות.

אונזער עקאָנאָמישע קראַנקהייט האָט נאָר איין תּקנה: אין אַ אייגענעם באָדען, אין אונזער אייגען לאַנד, אַלעס אַנדערס וועט תמיד בלייבען ווי אַ צייטווייליגער פּאַליאַטיוו, ווי אַ סגולה... מיר, ציוניסטען, אַלס רעאַלע לעבענס-פּאַרטיי, זאָגען זיך ניט אָפּ אפילו פון פּאַליאַטיוען, אויב זיי קענען אונז וועלכע-ס'איז הילף ברענגען, דערפאַר פאָדערען מיר אַז אונזער זעלבסטפאַרוואַלטונג זאָל זיך פאַרנעמען אויך מיט פראַגען פון אונזער אידישע עקאָנאָמיק, אָבער פירען אַן אייגענע עקאָנאָמישע פּאָליטיק אין גלות—אויף אַזוי פיל זיינען מיר ניט נאַיוו...

מיר האָבען אַן אַלטע און תמיד נייע אָריענטאַציע—אַ אידישע פּאַלעסטינאַ. און גראָד-דאָ זיינען מיר ווייט פון פּאָליטיק; ענגלאַנד האָט פריהער אָנערקענט אונזערע רעכט, האָבען מיר עס אַלס אונזערען אַ יום-טוב געפייערט; מיר זיינען דאַנקבאַר געוועזען דער קלוגער ענגלישער דיפּלאָמאַטיע, וועלכע האָט אונז געגעבען איר ערשטע חתימה און האָבען געוואַרט אויף נייע חתימות. אונזערע אידישע פּאָליטיק ווערט געפירט דערווייל אין גלות; מיר שטרעבען צו אַן אַלוועלטליכער לעגאַלער אידישער אָרגאַניזאַציע—דאָס איז אונזער העכסטער ציל. פאַר אונזערע אויגען ווערט געשאַפען דער מיטעל-אייראָפּעאישער פאַרבאַנד, וואו עס וועלען קאָנצענטרירט ווערען די גרעסטע חלקים פון אונזער פאָלק, אַ חוץ דעם אַמעריקאַנער אידענטום, און פון דעם שטאַנדפּונקט דאַרפען מיר זיך באַציהען צו יעדער אָריענטאַציע און אויך צו דער אוקראַינישער.

מ. ווינער.

◆

אַנ'אַלט-נייע פראַגע.

די פאַרשאָלטענע משומדים-פראַגע האָט שוין ניט איינמאָל אַרויסגערופען די הייסעסטע וויכּוחים אין אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען. און דאָך איז איר שאַרפקייט ניט אָבגעשוואַכט געוואָרען, אַדרבּה, איצט איז זי אפשר געוואָרען נאָך אַקטועלער, ווייל איצט, ווען מיר רעדען פון נאַציאָנאַלע רעכט, באַקומט זי אַ גאַנץ קאָנקרעטען כאַראַקטער. פריהער האָבען מיר גערעדט בלויז פון אונזער באַציהונג צו דער דאָזיגער ספּעציפיש אידישער קרענק, וואָס

רופֿט זיך שמד; עס האָט זיך געקערט בלויז פֿון דעם, צי קענען מיר זיך אַמאָל צונויפֿקומען מיט די, װעלכע האָבען אונז אַזוי גראָבען און ציניִשען אופֿן געחיזקט דעם רוקען, צי דאַרפֿען מיר זײ פֿאַראַכטען און ה. נ. איצט אָבער, װען עס רעדט זיך װעגען איבערבױען אונזער לעבען אויף נאַציאָנאַלע יסודות׳ װען עס רעדט זיך װעגען נאַציאָנאַלע רעכט און נאַציאָנאַלער גרינדונגס-פֿאַרזאַמלונג, שטעלט זיך די פֿראַגע: װער זײנען די סוביעקטען, װאָס דאַרפֿען זיך באַנוצען מיט די דאָזיגע רעכט? צי האָבען דערױף רעכט אויך די, װאָס האָבען דאַמאָלס, װען עס האָט געקענט זײַן אַ רײד נאָר פֿון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, אָבגעזאָגט זיך פֿונ׳ם אידענטום און אידישקײט, כדי פּטור צו װערען פֿון די צרות, װעלכע זײַנען געװען די שטענדיגע באַגלײטער פֿון אידישקײט? עס פֿרעגט זיך, צי האָבען די משומדים, אַריבערטרעטענדיג די שװעל פֿון אידישקײט, צוזאַמען מיט דעם זיך אָפּגעריסען פֿון דעם אידישען כלל, אָדער, אפשר, דאַרפֿען מיר זײ געבען אַ נײעם נאָמען: „אידען פֿון קריסטליכען גלויבען"?

ערשט צוריק מיט אײניגע חדשים, װען עס האָט זיך נאָך געהאַנדעלט װעגען אַן אַלרוסלענדישען אידישען צוזאַמענפֿאָר, איז אינ׳ם אָרגאַניזאַציאָנס-קאָמיטעט אויף צונויפֿצורופֿען דעם דאָזיגען צוזאַמענפֿאָר געשטעלט געװאָרען די פֿראַגע צי האָבען אויך משומדים דאָס רעכט אַקטיװ און פּאַסיװ זיך באַטײליגען אין דער דאָזיגער אידישער גרינדונגס-פֿאַרזאַמלונג, צי ניט. מיט אַ מערהײט פֿון שטימען איז דאַמאָלס אָנגענומען געװאָרען, אַז זײ האָבען ניט קײן רעכט זיך צו באַטײליגען אין אידישען צוזאַמענפֿאָר, װײל זײ האָבען זיך שוין לאַנג אָבגעטײלט פֿון אידען. דער „בונד", װעלכער קען קײן עולות ניט לײדען, האָט זיך אָבער אָנגענומען די קריװדע פֿון די משומדים און האָט אַרײנגעבראַכט אַ רעזאָלוציע, אין װעלכער ער פּראָטעסטירט שאַרף געגען דעם אָנגריף, װאָס איז, לויט זײַן מײנונג, געמאַכט געװאָרען געגען דער געװיסענס-פֿרײהײט, װאָס איז אײנע פֿון די הויפּט-יסודות פֿון אַ דעמאָקראַטישער מלוכה אָרדנונג. נאָך פֿיעל שאַרפֿערע און הײסערע ובוחים װעט די דאָזיגע משומדים-פֿראַגע אַרויסרופֿען מסתמא אויף דעם אידישען צוזאַמענפֿאָר װאָס װעט פֿאָרקומען אויף אוקראַינע, בשעת עס װעט באַטראַכט װערען די פֿראַגע, װער עס האָט דאָס רעכט צו זײַן אַ מיטגליד פֿון דער אידישער קהלה. דער „בונד" און יענע סאָציאַליסטישע פּאַרטײען, װעלכע קריכען פֿון דער הויט, כדי צו דערװײזען דעם „בונד", אַז זײ זײַנען, חלילה, ניט װײניגער דעמאָקראַטיש פֿון אים, װעלען זיכער דורכאויס פֿאַרטײדיגען ד' רעכט פֿון די משומדים צו זײן אין די אידישע קהלות זײ װעלען געװיס שטעלען פֿעך און שװעבעל אויף די „רעאַקציאָנערען", װאָס װעלען אומברענגען דעם פּרינציפּ פֿון „געװיסענס-פֿרײהײט", װאָס װילען מבטל מאַכען אײנעם פֿון די הויפּט-יסודות פֿון אַ דעמאָקראַטישער מלוכה אָרדנונג. און מאַקי דערפֿאַר לוינט זיך אַביסעל מער פֿאַנאַנדערקלײבען אין דער דאָזיגער פֿראַגע.

קודם כל מוז מען געדענקען, אַז דאָ האַנדעלט זיך ניט װעגען יענע משומדים װאָס האָבען זיך איצט אומגעקערט צום אידענטום. אמת, ס׳איז עקעלהאַפֿט צו האָבען אַ סנע ומשנא מיט אַזעלכע פּאַרשױנען, װאָס האָבען אונז געחיזקט דעם רוקען דאַמאָלס, װען מען האָט אונז געיאָגט און געפּלאָגט, און זײַנען זיך אַריבער אין דער פֿײנדליכער מחנה פֿון די שטאַרקערע און האָבען זיך אומגעקערט צו אונז ערשט דאַן, װען דאָס װאָרט איד שלעפּט מיט זיך ניט נאָר די גרױסע לאַסט פֿון באַגרענצונגען. עקעלהאַפֿט איז מיט זײ זיך צונויפֿצוקומען, נאָר דאָך האָבען מיר פּשוט ניט קײן יורידישען רעכט זײ באַגרענעצען, װײל מיר האָבען ניט קײן רעכט צו גריבלען זיך אין זײער נשמה כדי אויסצופֿאָרשען די טעמים, װאָס האָבען זײ געצװונגען זיך איצט אומקערען צוריק, מיר מוזען זיך באַנוגענען דערמיט, װאָס איצט זײַנען זײ אָפֿיציעל אידען. דאָ אָבער האַנדעלט זיך בלויז װעגען יענע משומדים, װעלכע זײַנען אויך איצט געבליבען אָפֿיציעל משומדים, און עס פֿרעגט זיך, צי דאַרפֿען זײ בלײבען מחוץ למחנה, אָדער זײ האָבען דאָס רעכט, אויב זײ װילען, געניסען אויך פֿון אונזערע נאַציאָנאַלע רעכט און זײַן מיטגלידער פֿון אונזערע קהילות.

פּראַקטיש, פֿאַרשטעהט זיך, האָט די דאָזיגע פֿראַגע קײן באַדײטונג ניט. װאָרום, עס איז דאָך נאַאיװ צו טראַכטען, אַז אַזעלכע משומדים זאָלען דוקא װעלען זײן מיטגלידער פֿון אונזערע קהילות. זײנען זײ אַזוי שטאַרק צוגעבונדען צום אידענטום, האָבען זײ חרטה אויף זײערע פֿריהערדיגע חטאים, דאַן האָבען זײ דאָך איצט די מעגליכקײט אָהן װאָסערע-ניט-איז שטערונגען אינגאַנצען זיך אומקערען צוריק און ניט פֿירען אַ צװײשענדיגע בוכהאַלטעריע; קערען זײ זיך ניט אום, איז דאָס אַ סימן, אַז זײ פֿיהלען זיך גאַנץ גוט אין זײער נײער סביבה און זײ װעלען געװיס ניט װעלען אונז אָנטהון דעם כבוד באַשענערען מיט זײערע נעמען אונזערע קהילות. פּרינציפּיעל אָבער איז דאָך די דאָזיגע פֿראַגע זעהר װיכטיג, װײל דאָס אונטערשטרײכט —שאַרף און בולט— דעם כאַראַקטער פֿון דער קהלה. עס איז גאַנץ פֿאַרשטענדליך װאָס דער בונד לײגט זיך אַזוי אין דער

לענג און אין דער ברײט פֿאַר די רעכט פֿון די משומדים. דערמיט װיל ער אונטערשטרײכען, אַז די רעליגיע איז אינגאַנצען, אָהן װאָסערע ניט איז פּשרות, אויסגעשלאָסען פֿון דער קהילה. עס איז נאָר לעכערליך, װען ער האָט ניט קײן מוט אַרויסצוזאָגען קלאָר און אָפֿען, װאָס ער מײנט דערמיט און מאַסקירט זיך מיט הויכע װערטער מכח געװיסענס-פֿרײהײט.

בכלל קען קײן רעדע ניט זײן פֿון געװיסענס-פֿרײהײט דאָרט װאו עס איז ניטאָ קײן געװיסען און קײן איבערצײַגונגען. קײן אײן משומד האָט זיך ניט געשמדט דערפֿאַר, װײל ער האָט זיך איבערצײַגט אַז דאָס קריסטענטום איז העכער פֿון דעם אידענטום אָדער דערפֿאַר, װאָס ער האָט אָנגעהויבען גלויבען אין דעם, אין װאָס עס גלײבט אַ איבערצײַגטער קריסט. עס האָבען זיך געשמדט מענשען צוליב קאַריערע, צוליב אַנקומען אין אוניװערסיטעט, צוליב פּטור װערען פֿון די אידישע צרות, און אין בעסטען פֿאַל—צוליב קענען חתונה האָבען מיט אַ קריסטליכער מײדעל, נאָר יעדענפֿאַלס ניט צוליב איבערצײַגונגען. אויב עס געפֿינען זיך אפשר יאָ אַזעלכע יחידים, װאָס האָבען זיך איבערצײַגט, אַז די אידעע פֿון קריסטענטום איז ערהאַבענער פֿון דער אידעע פֿון אידענטום, האָבען זײ עס ניט נויטיג צו אַפּעשירען דורך אָפֿיציעלער אַריבערטרעטונג פֿון אידענטום אין קריסטענטום. אין דעם מוז מודה זײַן אויך דער „בונד", װי אויך די איבעריגע פּאַרטײען, װאָס שלעפּען זיך נאָך אים. מען קען, פֿאַרשטעהט זיך, אויך ניט רעדען פֿון געװיסען בײַ אַזעלכע, װאָס האָבען געמאַכט אַ האַנדעל מיט רעליגיע, װאָס האָבען אויף אַזאַ שענדליכען אופֿן באַשמוצט דאָס, װאָס איז אַזוי טײַער און הײליג דער גרעסטער מעהרהײט פֿון פֿאָלק. און אויב עס איז ניטאָ ניט קײן איבערצײַגונגען און ניט קײן געװיסען, קען ניט זײַן קײן רעדע פֿון פֿאַרלעצונגען פֿאַר איבערצײַגונגען. בכלל איז אין דעם ניט פֿאַראַן קײן שום באַגרענצונגען פֿון רעכט, װען מיר זאָגען, אַז מיר װילען זײ ניט האָבען פֿאַר מיטגלידער פֿון דער אידישער קהילה. געװיסענס-פֿרײהײט הײסט נאָר, אַז קײנער טאָר ניט פֿאַרפֿאָלגט און באַגרענצט װערען אין זײַנע רעכט פֿאַר זײַנע איבערצײַגונגען, אָבער דאָס הײסט דאָך ניט, אַז מיר זײַנען מחויב זיך משדך צו זײַן מיט זײ און בויען אַ געמײנזאַמע קהילה. די משומדים האָבען פֿולע רעכט זיך אויסטײלען און בויען אַן אײגענע קלײזעל, אַן אײגענע קהילה אפֿילו, און געניסען פֿון אַלע פֿרײַהײטען, נאָר ניט מיט אונז צוזאַמען. מיר קענען ניט אויפֿנעהמען אַזעלכע, װאָס האָבען אַ צװײשענדיגע בוכהאַלטעריע, װאָס טאַנצען אויף צװײ חתונות, און מיר האָבען דאָס רעכט דערױף.

בשעת מיר קומען צו דער משומדים-פֿראַגע, װערט פֿאַר אונז אויך קלאָר װי ענג עס האָבען זיך צוזאַמענגעפֿלאָכטען אין אונזער געשיכטע די נאַציאָנאַלע מאָמענטען מיט די רעליגיעזע, װי באַדײַטענד און װיכטיג עס איז די ראָליע, װאָס די רעליגיע האָט געשפּילט אין אונזער געשיכטע. בײַ יענער גרויסער קאַטאַסטראָפֿע, װען דאָס אידישע פֿאָלק האָט פֿאַרלוירען זײַן זעלבסטשטענדיגקײט און לאַנד, ד. ה. יענע אָביעקטיװע סימנים, װאָס יעדער נאָרמאַל פֿאָלק פֿאַרמאָגט, האָט די רעליגיע פֿאַרנומען דעם אויבען-אָן און האָט אָנגעהויבען צו דינען אַלס דער װיכטיגסטער אָביעקטיװער סימן. פֿון יענער צײַט אָן ביז הײַנטיגען טאָג באַצײכענט דאָס װאָרט „איד" ניט נאָר אַ מענשען, װאָס געהערט צו אַ געװיסער נאַציאָנאַלער, נאָר אויך צו אַ געװיסער רעליגיעזער גרופּע. קײן אַנדערע פֿעלקער, װאָס זאָלען געהערען צו דער דאָזיגער רעליגיע זײַנען ניט געװען. װי מיט אײן אײַזערנער רײף האָט די רעליגיע אין אַ משך פֿון דורות אַרומגעכאַפּט אינגאַנצען דאָס לעבען פֿונ׳ם פֿאָלק. די רעליגיע האָט, אין אַ געװיסען זין, אויסגעפֿילט דאָס דאָזיגע לעדיגע אָרט, װאָס איז געבליבען נאָכדעם, װי דער איד האָט פֿאַרלוירען זײַן זעלבסטשטענדיגקײט. און מאַקי דערפֿאַר האָבען די דאָזיגע צװײ באַגריפֿען „נאַציאָנאַליטעט" און „רעליגיעזיטעט" זיך אַזוי צוזאַמענגעשמאָלצען.

מען מוז אויך געדענקען דעם כאַראַקטער פֿון אונזער רעליגיע. מען מוז ניט פֿאַרגעסען, אַז זי אונטערשײַדעט זיך פֿון אַנדערע רעליגיעס אויך דערמיט, װאָס זי איז קודם כל אַ מאָראַלישע לעבענס-קאָנסטיטוציע. אַ סך פֿון די תּלמודישע דינים זײַנען אײגענטליך נאָר דערצו באַשטימט, כדי אָבצוהיטען דאָס פֿאָלק פֿון אַסימילאַציע און צעשפּליטערונג.

דאָס אַלץ מאַכט קלאָר און דײַטליך אונזער באַציהונג צו דער אידישער אמונה, אונזער קוק אויף דעם כאַראַקטער פֿון דער אידישער קהלה, װי אויך אונזער פּסק-דין אין דער משומדים-פֿראַגע: די אידישע קהלה און די אידישע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס מוזען זײַן רײן פֿון משומדים, פֿון די נעכטיגע פֿאַררעטער און הײַנטיגע פֿאַרעקשנטע פֿײַנד.

ש. שרײַער.

הערמאַן כהן—דער איד.

(צו זײַן טויט).

ניט דער דײַטש „הערמאַן", ניט דער איד „כהן" און אויך ניט דער טויט פֿונ׳ם דײַטשען פֿילאָזאָף הערמאַן כהן האָבען בײַ מיר אַרויסגערופֿען די פֿאָלגענדע געפֿיהלען און געדאַנקען. נײן, ניט דאָס

אלײן! איבער דעם פילאזאף הערמאן כהן איז שוין זעהר פיל געשריבען געװארען אין דער דײטשער און אלװעלטליכער פילאזאפישער ליטעראטור און די אבשאצונג פון זײנע אידישע װערק איז שוין אויך געמאכט געװארען. מיך אינטערעסירט דא א גאנץ אנדערע זאך: די װאונדערבארע טראגעדיע, װעלכע מ׳האט געקאנט אנרופען „הערמאן כהן“! װײל דער פארשטארבענער פילאזאף איז געװעזען די פארקערפערונג פון א טיפער, אײנענארטיגער, ספעציפיש-אידישער טראגעדיע.

עס זײנען דא צװײערלײ טראגעדיעס: סוביעקטיװע און אביעקטיװע. די ערשטע זײנען רײן-מענשליכע, רק-מענשליכע. זײערע טרעגער זײנען דער מענש, זײן נשמה, זײן הארץ, זײנע געפילען, זײן אינעװײניגסטער „איך“. און אינ׳ם „מענשליכען“ כאראקטער זײערען ליגען סײ זײער כח און סײ זײער שװאכקײט. זײ זײנען שטארק, שארף און טיף אין דערזעלבער מאס, װי שטארק, שארף און טיף איז די נשמה פון זײער סוביעקט. זי איז אבער אונפארמײדליך אויך אבגעשװאכט און באגרענצט, װײל אזױ איז דאך אויך דער מענש. די רק-מענשליכע טראגעדיע האט ניט געקאנט געבען מער װי דער מענש אלײן. רק-מענשליכע טראגעדיעס האבען איבערגעלאזט דער װעלט בירושה די גרױסע קלאסישע טראגיקער סאפאקל, שעקספיר א. א. און דערפאר טאקי הײסען זײ „מענשענקענער“. זײערע טראגעדיעס איז אונמעגליך אבצוטײלען פון זײערע העלדען, פון די סוביעקטען, װײל די דאזיגע טראגעדיעס מוזען געפילט און איבערגעלעבט װערען נאר פון זײער סוביעקט, פון זײער מענשען.

גאנץ אנדערש זײנען די טראגעדיעס פונ׳ם צװײטען מין. זײ זײנען איבערמענשליכע! אמת, אויך זײ קלײבען זיך אפט אוים „זײערען“ א מענשען; זײער מענש איז אבער ניט מער, װי זײער שטן אלײן, מיט װעלכען זײ קאנען מאכען װאס זײ װילען. װײל זײער מענש איז ניט בלױז דער טרעגער פון א טראגעדיע, ער איז אויך די פארקערפערונג פון דער טראגעדיע גופא, ער איז די טראגעדיע אלײן. זײ, אט די איבערמענשליכע טראגעדיעס, זײנען סוף כל סוף אבסאלוט גלײכגילטיג צי „זײער מענש“ פיהלט זײ, צי נײן. על פי רוב זײנען זײ אױסער׳ן תחום פון „זײער מענשען“: ניט ער, נאר דער זײטיגער צושױער, װעלכער האט קלארע אױגען צו זעהען און זײנע געפילען באמערקט אט די טיפקײט, די איבערמענשליכע שארפקײט פון דער טראגעדיע.

און בעת ער, דער „מענש“, איז זיך רוהיג און איבערצײגט, אז אלץ איז אין פולער ארדנונג, זעהט דער זײטיגער אביעקטיװער צושױער, װי טיף איז דא דער תהום פון סתירות און קאנפליקטען, פון טראגישע װידערשפרוכען.

און אט אזא מין פארקערפערטע איבערמענשליכע טראגעדיע איז אויך געװען דער פארשטארבענער הערמאן כהן.

געבױרען (1842) אין דער דײטשער שטאדט קאסװיג בײ א אידישען קהלה-לערער, האט ער אין דער יוגענד געלערנט אסך תלמוד, און אלע זײנע יאהרען האט ער זיך באשעפטיגט מיט „מחקר היהדות“. (װי אזױ ער האט עס פארשטאנען, װעלען מיר װײטער זעהען). צו 15 יאהר איז ער אריינגעטראטען אין ברעסלױער אידיש-טעאלאגישען סעמינאר, װאו ער האט געלערנט אונטער דער אנפיהרונג פון פרענקעל און גרעץ. צו 29 יאהר האט ער ארױסגעלאזט זײן װערק „קאנט׳ס טעאריע פון דער ערפארונג“. דאס װערק האט ארױסגערופען גרױס אױפמערקזאמקײט: דער 29-יאהריגער הערמאן כהן עפענט דעם דײטשען און אלגעמײנעם עולם די אױגען אויפ׳ן שאפער פון דער נײער פילאזאפיע קאנט.

דער ערפארשונג פון קאנטס גרונד-טעאריען װידמעט הערמאן כהן כמעט זײן גאנץ לעבען און װערט דער אנפיהרער פון „דער נײ-קאנטיאנישער“ שול. אין 1873, ד. ה. אויפ׳ן 31-טען יאהר, װערט ה׳ כהן אײנגעלאדען אלס פריװאט-דאצענט אין מארבורגער אוניװערזיטעט. אינ׳ם יאהר 1875 װערט ער אנערקענט אלס עקסטרא-ארדינארער פראפעסאר אין מארבורג און אויף דער שטעלע איז ער געבליבען אין דער „מארבורגער שול“ זײן גאנץ לעבען. ער, װעלכער האט אנטדעקט און באצירט פאר די דײטשען די קרױן פון זײער נײער פילאזאפיע—עמאנואיל קאנט, ער, װעלכער האט געגרינדעט א נײע פילאזאפישע שול, איז אפילו ניט געזאלבט געװארען אלס ארדינארער דײטשער פראפעסאר, נאר אלס עקסטרא-ארדינארער, װײל דער נאמען „כהן“ איז געװען דער „סרח העודף“, װאס האט אים אומעטום געשטערט. דאס קולטורעלע דײטשלאנד האט אים ניט געקענט מוחל זײן די אידישע אבשטאמונג.

ער איז אבער געבליבען א שטאלצער איד און געקעמפט פאר׳ן אידישען כבוד. חאראקטעריסטיש איז דערבײ די ספה, פאר װעלכער דער גרױסער פילאזאף, דער ערך 70-יעהריגער גרײזער מאן, האט זיך געמוזט שײדען פון זײן ליבלינגס-קינד—פון זײן „מארבורגער קאטעדער“. צװישען זײנע תלמידים פון װעלכע א סך זײנען שױן לאנג דײטשע פראפעסארען און געלערטע, האט זיך אויך געפונען א רוסישער איד, דער באקאנטער מאטעמאטיקער גאחראנסקי; אים האט הערמאן כהן גערעכענט איבערלאזען זײן גײסטיגע ירושה: זײן קאטעדער אין מארבורגער אוניװערזיטעט. און װען הערמאן כהן האט געפאדערט, מ׳זאל גאחראנסקין באשטימען אלס זײן שטעלפארטרעטער, האט מען אים אבגעזאגט. ס׳האט אויך ניט געהאלפען זײן אולטימאטום: אדער ער פארלאזט מארבורג, אדער גאחראנסקי מוז באשטימט װערען. דער אלטער גרײזער כהן האט געמוזט פארלאזען זײן קאטעדער און איז אריבערגעפארען קײן בערלין. דא האט ער זיך אביסעל מער דערנעהנטערט צום אידישען לעבען, ער האט א צײט לאנג געלײענט אידישע לעקציעס אין אידישען סעמינאר װעגען אידישע רעליגיאנס פילאזאפיע, אידישער עטיק און װעגען פלאטא׳ן און קאנט׳ן.

אין די מלחמה-יאהרען האט ער זיך באזונדערס מתקרב געװען צו אידישע ענינים: מיט טרײקײט, ליבע איבערגעגעבענקײט האט ער זיך באטײליגט אין די פארשידענע אידישע אנשטאלטען, אנטפלעקענדיג זײן הײכען גײסט, זײן אמת׳ן עטישען פנים. און איז עס דען ניט א נאטירליכע ערשײנונג, אז דוקא ער, װעלכער האט אזױפיל געליטען פון דעם „ניט-עטישען“, האט מיט גרױס באגײסטערונג און איבערגעגעבענקײט געקעמפט פאר דעם עטישען סדר אין דער ניט-עטישער ערד-מלוכה. און איז דאס דען ניט דער גורל פונ׳ם גאנצען אידישען פאלק: געפלאגט און געפײניגט—דאך זײן א רעזערװואר פון אפטימיזם, פון טיפער אמונה אין „ממלכת הכהנים“!

הערמאן כהן איז אין דעם פרט אויסגעפאלען דער גורל פון די בעסטע אידישע זיהן. אבער אויך דער דאזיגער גורל האט מיט אים געשפילט א באזונדער טרויעריגען שפיל.

שױן אין זײן ערשטן װערק איבער קאנט׳ן האט ה. כהן באליכטען קאנטס טעאריע פון א רײן-אידעאליסטישען שטאנדפונקט: לױט הערמאן כהן מוז די פילאזאפיע, אדער ריכטיגער געזאגט, דער טײל פון דער פילאזאפיע, װעלכער פארנעמט זיך מיט עטיק,—„שטיצען זיך אויף דער רעכטסװיסענשאפט“.

די עטיק איז—דער הױפטגרונד און דער הױפט-פרינציפ פון דער געשיכטע. און װאס איז דען די לעצטע, אויב ניט די פארװירקליכונג פון די הײכע פרינציפען? און װאס פאר א װערט האט דען דער מענש בלױז אלס מענש? איז דען ניט דער עיקר די „מענשהײט“, די „אללהײט“? דערגרײכט דען ניט דער מענש זײן „זעלבסט“ נאר דאן, װען ער שטײגערט ארויף ביז צו די שטופען פון דער „מערהײט“ און „אוניװערסאליזם“? און אין דעם פרט איז דאך די רעכטסװיסענשאפט דער רעגולאטיװער עלעמענט, װאס רעגולירט, שטעלט פעסט די באציהונגען צװישען די מענשען, װאס פירט דעם „זעלבסט“ צו די העכסטע שטופען פון דער „מערהײט“. און פון דער דאזיגער „הנחה“ ציהט טאקי הערמאן כהן די אײנציגע ריכטיגע קאנסעקװענץ: אויב די עטיק מוז דער עיקר זיך שטיצען אויף דער רעכטסװיסענשאפט—איז דאך קלאר, אז דער צענטראל-פונקט געהערט דער מלוכה—דער טרעגערין פון דער רעכטסװיסענשאפט, ד. ה. דער טרעגערין פונ׳ם הױפט-גרונד פון דער עטיק. די מלוכה--דאס איז, לױט כהן׳ס אויסדריקען, דאס רעאלסטע און העכסטע גליק פון מענשען. דאס אמת׳ע ריכטיגע זעלבסט-באװאוסטזײן פונ׳ם מענשען איז מעגליך נאר אין א מלוכה. און דער גאנצער מהות פונ׳ם מענשען, זײן עטישער מהות, זײן „עטיש געזיכט“ װערט קלאר און פארװירקליכט נאר אין א מלוכה, װײל נאר זי פירט דעם „זעלבסט“ צו דער „מערהײט“ און צו דער „אללהײט“, און אזױ ארום ברײנגט זי, די מלוכה, צו דער „געטליכער רעגירונג אויף דער ערד, צו דעם „עטישען סאציאליזם“. דער לעצטער איז ניט און קאן ניט, לױט כהן׳ס טעאריע, זײן געבױט בלױז אויף מאטעריעלע יסודות. דער סאציאליזם ד. ה. די פארװירקליכונג פון אלגעמײנעם יושר און גערעכטיגקײט אויף דער ערד, איז א רײן עטישע פארשטעלונג, דאס איז דער גאט, װײל גאט איז ניט אנדערש װי די פארװירקליכונג פון דער העכסטער עטיק.

און אט אזא איז דער אידישער גאט. דער אידישער גאט, לױט הערמאן כהן, איז דער העכסטער אױסדריק פון מאראל, פון יושר, פון עטיק. דאס אידענטום איז א הומאניטארישע רעליגיע, א סאציאל-עטישע. דער עיקר העיקרים איז בײ איהר נאר די מאראלישע פארפאלקאמונג. און אין דעם אונטערשײדט זיך ה. כהן פון קאנט׳ס באציהונג צום אידענטום. קאנט, האט באשולדיגט די אידישע רעליגיע אין דעם, אז זי איז צו װעניג מאראליש (זיטליך), אז דער אינװעניגסטער „קאטעגארישער אימפעראטיװ“ שפילט אין איהר א סך א קלענערע ראליע װי דער חוק, דער באפעהל, דער דין. בײ הערמאן כהן אבער איז דער דין ניט מער װי דער עלעמענט, װאס רעגולירט די האנדלונגען אין דער רעליגיע; די אײגענטימליכקײט פון אידענטום אבער איז זײן צניעות און די העכסטע פערסאניפיצירונג פון דער אידישער עטיק זעהט כהן אינ׳ם אידעאל פון משיח. דער אידישער משיח—דאס איז דער גואל פון דער גאנצער װעלט. דער אידישער משיח װעט ניט נאר באפרײען די אדער יענע אײנצעלנע פערזאנען אדער פעלקער, ער איז דער „גואל האנושיות“, ער איז א אוניװערסאלער משיח, װעלכער איז דער הױפט-גרונד פונ׳ם אידענטום, ער גיט צו דער אידישער רעליגיע איר ספעציפישען כאראקטער פון א פרײען מוסר, פון א אױטאנאמער „דיזײטיגער“ מאראל. און דא שטעהן

מיר צו דעם ווענדפונקט, וואו ס'הויבט זיך אן בײַ הערמאן כהן א שורה פון סתירות, יענע טראגעדיע אויף וועלכע מיר האבען אנגעוויזען.

אויב דער העכסטער ציל פונ'ם מענשענס לעבען איז די עטיק, און אויב די העכסטע פערסאניפיקאציע פון דער לעצטער איז די מלוכה—וואלט דען ניט געווען קאנסעקווענט, אז די העכסטע עטיק—דאס אידענטום—זאל, לאמיר זאגען, וויניגסטענס לטובת העולם, געפינען סוף כל סוף איר איינציגע ריכטיגע פארקערפערונג—איר מלוכה? וואלט דען ניט געווען קאנסעקווענט און ריכטיג, אז דער אידישער משיח זאל סוף כל סוף אויפהערען ארומבלאנדזשען, ווי די „נשמות ערטילאות" אויף אלע וועלטען, ניט האבענדיג א מקום מנוחה, וואו ער זאל זיין תיקון געפינען? אבער די אלטע קללה פון צוויי מאסען—איינע פאר דער גאנצער וועלט און די צווייטע פאר'ן אידישען פאלק—האט נאך א צו גרויסע שליטה. און אויך דער הארבער מח, דער שארפזיניגער הערמאן כהן האט ניט אויסגעהאלטען זיין קאנסעקווענץ, בעת ער האט בארירט די אידענפראגע. אין דעם זין איז אויך ער, דער גרויסער פילאזאף, ניט געווען בכח זיך באפרייען פונ'ם שטאנדפונקט פון די אלטע דײַטשע אידען, אדער פאראידישטע דייטשען, וועלכע זײַנען באקאנט אין דער נײַער אידישער געשיכטע אונטער'ן נאמען פון „בעלי העורה".

זײַ, אט די פארשקלאפטע דייטשע אידען, האבען אויסגעטראכט די „גרויסע" המצאה וועגען דער „וועלט-מיסיאן" פונ'ם אידישען פאלק. און אויך דער גרויסער הערמאן כהן האט זיך ניט געקאנט באפרייען פון אט דעם געדאנק. הערמאן כהן, וועלכער האט געזונגען אזוינע הארקטעריסטיש-דייטשע דיפיראמבען דעם מלוכה-אינסטיטוט, האט זיך דא באנוצט מיט דעם אלטען כלל: „חוץ מהיהודים"!—פאר אלעמען יא, אויסער אידען! זײַ, די אידען, האבען א גאנץ באזונדערע מיסיאן: פראפאגאנדירען די אידעע פון אונזער עטישען גאט, פון אונזער אוניווערסאלען משיח—צווישען אלע פעלקער. דאס אידישע פאלק דארף געהען און וואנדערן צווישען שווערד און פייער און—פארשטעהט איר—„עטיזירען" די וועלט, די מענשהייט!

הערמאן כהן לייקענט אב דאס אידישע פאלק אלס א נאציאן. פאר אים זיינען מיר ניט מער ווי א „גלויבענסשטאם", און אונזער גאנצער קיום האט א זין און באדייטונג נאר אויף אזויפיל, אויף וויפיל מיר זיינען מקים אט דעם „היסטארישען אימפעראטיוו" אונזערן. הערמאן כהן, וועלכער האט אזוי פילנעליטען אלס איד, איז בנוגע דער אידישער נאציאנאלער פראגע געבליבען ניט מער ווי א „דייטשער" פילאזאף. פאר אים האט דאס אידענטום אן פאר זיך קיין צוועק, קיין עקזיסטענץ ניט. דאס אידענטום מוז בלייבען נאר א משרת ביי דער גאנצער וועלט. און ס'איז קלאר פארוואס ער, דער „דייטשער" פילאזאף, געפינט נאר איין מיטל צו ווירקען אויף זיינע גלויבענסגענאסען, וועלכע פיהלען ניט קיין פארבאנד מיט זייער שטאם: זײַ, אט די אבגעריסענע און פארצווייפעלטע גלויבענסגענאסען, פארשטעהען ניט, לויט ה. כהן, אז די אלוועלטליכע קולטור קאן ניט עקזיסטירען אהן דעם אידענטום, וואס האט ערפונדען דעם העכסטען עטישען פרינציפ!

קיין אנדערע, פאזיטיווע צוציהונגס-קראפט צום אידענטום, קיין נאטירליכער פארבאנד צווישען די איינצעלנע זיהן פון איין פאלק געפינט ניט דער „דייטשער" פילאזאף אין אידענטום!

ער, דער „מיסיאנס-יודע", האט ניט פארשטאנען, אז מיט אייגענע הענט גראבט ער אונטער דעם פונדאמענט פון זיין שטה, אז ער אליין, קומענדיג אין צוזאמענשטויס מיט א קאנקרעטען טייל פון זיין סיסטעם, איז סותר זיינע אייגענע עולמות!

און ווער ווייס, אפשר איז דאס טאקי דער גורל פון די אלע „נשמות ערטילאות": ניט פיהלען די אייגענע טראגעדיע, אליין אונטער זיך גראבען א תהום און ניט פיהלען עס! אדרבא: אזעלכע „תלושים" זיינען דאך אפט איבערציינט, אז זיי געהען אויפ'ן גלייכען וועג און לאזען זיך אזוי פירען פון זייער אינבאוואוסטער פאר זיי, נאר טיפער און שרעקליכער טראגעדיע!

ווער ווייס?

ש. האמעלסקי.

ציוניסטען!

די אידישע אויטאנאמיע אויף אוקראינע איז אין סכנה! נור אין שטארקע און גוט-ארגאניזירטע אידישע קהלות ליגט די רעטונג. ווי אמאל, אזוי איצט, זײַנען די קהלות, דער גרונד-שטיין פון אונזער נאציאנאלען בנין. באפעסטיגט און פארשטארקט זיי! זײַ, מאכט זיי פאר א צענטער פונ'ם גאנצען אידישען לעבען אויף די ערטער!

דאס אידישע לעבען אויף אוקראינע.

אין דער קליינער ראדע.

—אויף דער זיצונג פון 16-טען אפריל האט די ציוניסטישע פראקציע אריינגעטראגען אן אנפראגע וועגען די אומגעזעצליכע מעשים און אכזריות'ן, וואס זיינען אבגעטון געווארען אין די שטעטלאך בארישאווקע, גרעבענקא, א. א. וו. אויף דער ליניע פאלטאווע—קיעוו. מיט א רעדע וועגען דער אנפראגע איז ארויסגעטראטען ס. גראסמאן.

אין דער צייט,—האט געזאגט ה' גראסמאן,—ווען דא אין דער ראדע ווערען פאוואלי ווידער איינגעשטעלט גוטע באציהונגען, קומט פאר אויף די ערטער עפיס שרעקליכעס. ס'איז ניטא קיין מאכט, און די מאכט, וואס געפינט זיך שוין יא דארט דיסקרעטירט נאר די אוקראינישע רעגירונג. צום באדויערן מוז די באפעלקערונג זיך ווענדען נאך הילף צו די פארשטעהער פון דער דייטשער מאכט.

צו אונז קומען יעדען טאג דעפוטאציעס, וועלכע גיבען איבער שרעקליכע פרטים וועגען הריגות, גזילות און גוואלדטאטען וואס ווערען אבגעטון אויף די ערטער. אט די אלע פארפאלען—זײַנען די ארבעט פון אוקראינישע סאלדאטען, אדער פארשוינען, וואס גיבען זיך אויס פאר אוקראינישע סאלדאטען. ס'קומען פאר שרעקליכע זאכען... ביינאכט גראבט מען שטילערהייט קברים און אהן א צייכניש פון א דאקטאר איז מען מקבר די געפייניגטע קרבנות.

אייערע קאמענדאנטען און קאמיסארען,—ווענדעט זיך דער רעדנער צום אינערן- און קריגס-מיניסטער,—פירען זיך אזוי, אז די אידישע באפעלקערונג און די לעצטע טאג אויך די פויערשע זיינען גענויטיגט צו זוכען הילף ביי ד' דייטשען.

מיר ווילען, אז די באפעלקערונג זאל פארשטעהן, אז זי האט באשיצער, אז די אנפראגען האבען א רעאלען ווערט און אז די שולדיגע אדמיניסטראטארען זאלען באקומען די געהעריגע שטראף, און ניט נאר איבערגעפירט ווערען פון איין שטאט אין דער צווייטער.

ווייטער פארעפענטליכט ה' גראסמאן דעם טעקסט פון דער אנפראגע, וועלכער ענטהאלט א גאנצע רייהע פון שרעקליכע פאקטען, וועלכע מאכען א שרעקליך-קאשמארען איינדריק. דא איז פאראן א 60-יאריגער רב, וועלכען מ'האט עפענטליך געשמיסען, בר-מנן'ס וואס וואלגערן זיך אויף די רעלסען, געשענדעטע-פרויען א. א. וו.

א עהנליכע אנפראגע טראגט ארײן ה' שאץ אין נאמען פון דער פאראייניגטער אידישער סאציאליסטישער פארטיי.

אויף די קומענדע זיצונגען ווערען ביידע אנפראגען איינשטימיג אנגענומען.

—אויף דער זיצונג פון 20-טען אפריל האט די ציוניסטישע פראקציע אריינגעטראגען א געזעץ-פראיעקט וועגען אוקראינישער בירגערשאפט. דער פראיעקט איז איבערגעגעבען געווארען אין דער קאמיסיע פון געזעצגעבערישע פראיעקטען. גלייכצייטיג איז אריינגעטראגען געווארען א אנפראגע וועגען דעם, וואס אויפ'ן קיעווער וואקזאל זיינען ארויסגעהאנגען צוויי פלאקאטען אויף דייטש: „היט איך פאר קעשענע-גנבים" און „היט איך פאר די אידישע חלפנים".

דער אינטערפעלאנט, ה' גראסמאן, זאגט:

די דײַטשע מאכט, ווי עס ווײַזט אויס, מישט זיך ארײַן ניט בלויז אין סאציאלען קאמף אין אוקראינע, נאר אויך אין נאציאנאלען. דער פארטרעטער פונ'ם עסטרײַכישען שטאב האט נאך אין ערשטען אינטערוויו מיט די אוקראינישע זשורנאליסטען זיך ערלויבט מיאוסע אויסדריקען בנוגע צו דער אידישער נאציאן.

מיר פארשטעהען גאנץ גוט דעם ווונש פון דײַטשען קאמענדאנט צו פארהיטען זײַנע סאלדאטען פון די חלפנים, מיר האלטען אבער פאר אונצולעסיג די פארם פון זײַן ווענדונג.

מיר ווענדען אונזער אנפראגע ניט דעם דײַטשען קאמענדאנט, נאר דעם פארקער-מיניסטער, ווײַל אט די מעלדונג איז ארויסגעהאנגען אויפ'ן קיעווער וואקזאל, וועלכער געפינט זיך לעת עתה אין רשות פון וועג-מיניסטער.

נאך קורצע דעבאטען איז די אנפראגע אנגענומען געווארען.

—אויף דער זיצונג פון 23-טען אפריל האט דער פארשטעהער פון דער ציוניסטישער פראקציע ה' גראסמאן אין א אויסערארדענטליכער ערקלערונג געמעלדעט וועגען דער אבשטעלונג פון 12 טויט-שטראפען אין חערסאן.

ווען אט די טויט-שטראפען האט דורכ'ן דירעקטען דראט מודיע געווען דער מיטגליד פון דער איספארשונג-קאמיסיע, וועלכע געפינט זיך אין חערסאן, ס. הינדעס (ציוניסט) וועלכער האט איבערגעגעבען, אז די עסטרײַכישע מאכט האט פארמשפט 12 מענשען צו טויט-שטראף און די אויס-

פארשונג-קאמיסיע קאן נאר נים העלפען, כדי זיי אבצושטעלען. ארום דער דאזיגער מעלדונג האבען תיכף זיך אריינגעמישט אין דער זאך דער פארזיצער פון מיניסטארען-ראט גאלובאוויטש און פארזיצער פו צענטראלער ראדע פראפ. גרושעווסקי, און דאס אויספירען די טויט-שטראפען איז אבגעשטעלט געווארען.

—אויף דער לעצטער זיצונג פון דער ראדע האט דער פארוואלטער פון אויסערן-מיניסטעריום לובינסקי געמעלדעט, אז קיין בעסאראביע פארט ארויס צוזאמען מיט דער אוקראינישער דעלעגאציע א פארשטעהער פון אידישען מיניסטעריום צו באשיצען די רעכט פון דער אידישער באפעלקערונג פון בעסאראביע און רומעניע.

אין אידישען נאציאנאל-ראט.

אויף די לעצטע זיצונגען פונ'ם אידישען „נאציאנאל-ראט" זיינען באטראכט געווארען די געזעץ-פראיעקטען וועגען פארפארלאמענט און א אידישער גרינדונג-פארזאמלונג. וועגען דער פראגע פון פארפארלאמענט איז ארויסגעטראטען ה' גאלדעלמאן (פ"צ.) מיט אנ'ערקלערונג, אז אזוי ווי אין גיכען וועט זיך צונויפקלייבען די אוקראינישע גרינדונג-פארזאמלונג און אין 2 חדשים נאך איר ערעפענונג דארף צונויפגערופען ווערען די אידישע גרינדונגס-פארזאמלונג איז שוין דער פארפארלאמענט אנ'איבעריגע זאך, ווייל צונויפרופען דעם פארפארלאמענט דארף דאך אויך נעדויערען ווייניגסטענס עטליכע וואכען. מען דארף שוין האבען איצט א יורידישע מאכט און נים קיין פאקטישע, ווייל די אידישע רעוואלוציע האט זיך דאך נים אנגעהויבען. אפילו דער געפלאנטער פארפארלאמענט איז איבערהויפט א געקינסטעלטע זאך און א פאלסיפיקאציע פון א פאלקס-פארטרעטונג. ה' גאלדעלמאן געפינט, אז מען טאר בשום אופן נים צונויפרופען א פארפארלאמענט, בפרט אין אזא קאנסטרוקציע און ערב דער אמת'ער גרינדונגס-פארזאמלונג.

ה' גראסמאן (ציוניסט) באוויערט ווידער, אז די פועלי-ציון זיינען אזוי שפעט געקומען צו דערזעלבער מיינונג, וואס די ציוניסטען. זיי אפערירען מיט אונזער ארגומענטאציע, אבער דאס ווערט שוין נים געשטעמפעלט אלס „רעאקציע" און „סאבאטאזש". מיר, ציוניסטען, וועלען שטיצען דעם פראיעקט פון א אידישער גרינדונג-פארזאמלונג, פונקט ווי מיר האבען מיטגעהאלפען צונויפרופען דעם אידישען צוזאמענפאר. די גרינדונגס-פארזאמלונג קען מען צונויפרופען גיכער, ווי עס מיינען די פארשטעהער פון דער אינסטיטוציע, וואס הייסט „נאציאנאל-ראט". דער טעכנישער אפאראט איז שוין אויף די ערטער פאראן, גיך וועלען מיר האבען ביז 200 ארגאניזירטע קהלות. די וואהלען דארפען אנגעפירט ווערען דורך א הויפט-קאמיסיע ביים אידישען מיניסטעריום, אין וועלכער עס דארפען אריינגעהען פארטרעטער פון אלע פארטייען. דער צוזאמענפאר פון די קהלות קען אויך פארקומען, ווייל זיינע אויפגאבען געהען פאראלעל מיט דער גרינדונגס-פארזאמלונג.

מיט א מערהייט פון אלע נעגען די פ"צ ווערט באשלאסען דעם פארפארלאמענט צונויפרופען.

ביים באטראכטען דעם סטאטוט פונ'ם פארפארלאמענט זיינען ארויסגעטראטען די פארשטעהער פון „בונד", וועלכע האבען געפאדערט, אז אין קאמפעטענץ פון פארפארלאמענט זאלען נים אריינגעהן די פונקטען וועגען עמיגראציע און סאציאלע הילף, מיט וועלכע דער פארפארלאמענט דארף זיך, לויט זייער מיינונג, נים פארנעמען, דאס איז אנ'אלגעמיינע מלוכה-זאך.

ס'איז אנגענומען געווארען, אז דער פארפארלאמענט דארף יא באהאנדלען די דערמאנטע פראגען, דערביי איז דער אויסדריק „סאציאלע הילף" פארביטען געווארען אויף „סאציאלע פארזארגונג".

וועגען דער אידישער גרינדונג-פארזאמלונג איז אנגענומען געווארען דער געזעצפראיעקט, וועלכער באשטימט איר צאל פון 201 מיטגלידער און דעם טערמין פון די וואהלען—15, 16 און 17 יולי.

ביידע געזעצפראיעקטען, וועגען פארפארלאמענט און גרינדונגס-פארזאמלונג, דארפען אריינגעטראגען ווערען אין צענטראלער ראדע.

אויף דער לעצטער זיצונג האט דער נייער מיניסטער פאר אידישע ענינים ה. לאצקי מיטגעטיילט, אז היות די רומענישע רעגירונג האט מסכים געווען אריינגעהען אין אונטערהאנדלונגען מיט דער אוקראינישער פאלק-רעפובליק מכח דער אנעקסיע פון בעסאראביע, וועט אין די אונטערהאנדלונגען נעמען אנטייל אויך א אידישער פארשטעהער, וועלכער וועט שיצען די רעכט פון די בעסאראבער אידען.

אין אידישען מיניסטעריום.

— דער דעפארטאמענט פאר זעלבסט-פארוואלטונג האט בדעה אין גיכען אריינטראגען אין דער צענטראלער ראדע א פראיעקט וועגען צוואנגס-שטייער (נאלאג) פאר די מיטגלידער פון די אידישע קהלות און וועגען מבטל מאכען דעם ראבינאט.

— ווי מען גיט איבער האט דער ראט פון די פאלקס-מיניסטארען מסכים געווען ארויסצוגעבען דעם אידישען מיניסטעריום א האלב מיליאן רובל אויף ארויסצוגעבען אידישע לער-ביכער און אויף איינצואָרדענען א אייגענע דרוקעריי.

— דער אידישער געהילף-מיניסטער האט זיך געווענדעט צום אינערן-מיניסטער מיט א פראטעסט נעגען דעם, וואס די זעמסטוועס האבען פארבאטען צו רעדען אין טעלעפאן אויף אידיש, וואס ס'איז נעגען דער נאציאנאל-פערסאנאלער אויטאנאמיע. דער געהילף-מיניסטער בעט, אז דער אינערן-מיניסטער זאל תיכף מבטל מאכען דעם פארבאט.

— די בילדונגס-אבטיילונג ביים אידישען מיניסטעריום איז צוגעטראטען צו די פארבערייטונגס-ארבעטען וועגען איינפירען אלגעמיינע ש.פ. בילדונג ביי די אידען אין אוקראינע. א ספעציעלע קאמיסיע פארנעמט זיך שוין מיט אויספארשען די לאגע און קלויבט סטאטיסטישען מאטעריאל.

— דאס מיניסטעריום פאר אידישע ענינים האט באקומען ידיעות, אז די פריזיוו-צעטלען אויף 1919 און 1926 יאר ווערען צוזאמענגעשטעלט אויפ'ן גרונד פון אלטע נאך פאר דער רעוואלוציע ארויסגעגעבענע תקנות און צירקולארען-פאראָרדנונגען, וואס שטעלען איין א באזונדער סדר אויף צוזאמענשטעלען אזעלכע צעטלען פאר די פערזאנען פון אידישען גלויבען.

היות ווי דער דערמאנטער סדר פון צוזאמענשטעלען די צעטלען איז נעגען דעם דעקרעט פון דער צייטווייליגער רעגירונג פון דעם 23 מארט 1917 וועגען דעם, אז עס ווערען אפגעשאפט אלע באגרענעצונגען, וואס זיינען פארבונדען מיט נאציאנאליטעט און רעליגיע און איבערהויפט דעם אוניווערסאל פון דער צענטראלער ראדע—בעט דאס איד. מיניסטעריום מ'זאל דורך א צירקולאר ערקלערען די נעהעריגע אנשטאלטען, אז דער דערמאנטער באזונדערער אופן פון צוזאמענשטעלען די פריזיוו-צעטלען פאר אידען איז אפגעשאפט און עס ווערט איינגעשטעלט איינער און דער זעלבער סדר פאר אלע בירגער פון דער אוקראינישער פאלקס-רעפובליק אהן אונטערשייד פון נאציאנאליטעט און גלויבען.

רעפרעסיעס פון דייטשען.

פון פאגרעבישטש שרייבט מען:

די דייטשע און עסטרייכישע „געכט" האבען באלד נאך זייער אנקומען אהער אנגעהויבען צו בעלי-בתיחען אויף זייער שטייגער און צווישען אנדערעס האבען זיי רעקוויזירט דעם ארבעטער-קלוב פון „פועלי-ציון", די ביורא פונ'ם פראפעסיאנעלען פאראיין, די געזעלשאפטליכע ביבליאטעק און דעם לעזע-זאל.

אלע השתדלות'ען וועגען באפרייען העלפען נים.

די רציחות אין פאסטאווע.

די שרעקליכע רציחות, וואס זיינען פארגעקומען בשעת די לעצטע געשעהענישען אין פאסטאווע זיינען נאר נים צו באשרייבען. ס'זיינען ממש איבערגעחזרט געווארען די ווילדע סצענעס פון די אמאליגע אינקוויזיציעס. מ'האט געשלעפט אידען אין מיליטער-שול און מ'האט זיי דארט געפייניגט, אזוי אז ביים דערצעהלען שטעלען זיך ממש די האר קאפויר. מ'האט נעגעבען יעדען מענשען ביז 200 שמיץ מיט אייזערנע ריטער. אסך האט מען מיט אנ'אכזריות דערשאסען.

אויף די שרעקליכע רציחות האט זיך אבגערופען דער באקאנטער רוסישער שריפטשטעלער און מענשענפריינד וולאדימיר קאראלענקא, וועלכער איז ארויס מיט צוויי ארטיקלען אין דער פאלטאווער פרעסע, וועלכע שילדערן מיט א אומגעוועהנליכער קראפט די שרעקליכע אכזריות און ווילדע מעשים פון די בעל-הנצחון. „לאמיר אוועקווארפען די ווילדקייט און צוריק ווערען מענשען!"—ענדיגט קאראלענקא זיין ארטיקעל.

נאציאנאלע קאמיסאריאטען.

דער ראט פון פאלק-מיניסטארען האט באשלאסען, אז אויף די ערטער זאלען געגרינדעט ווערען קאמיסאריאטען פון די נאציאנאלע מיניסטעריום'ס. ס'איז אויך מעגליך, אז אויסער די קאמיסארען פון דעם גרויס-רוסישען מיניסטעריום וועלען אויך באשטימט ווערען אידישע קאמיסארען.

די נאציאנאלע מינדערהייטען.

לויט די סטאטיסטישע ידיעות געפינען זיך אין אוקראינער פאלק-רעפובליק נאציאנאלע מינדערהייטען אין פאלגענדער צאל:

גרויסרוסען — — —	ביז	4448725
אידען — — —	„	2983564
פאליאקען — —	„	1027509

אזוי ארום שטעלען פאר די פראקציעס פון די נאציאנאלע מינדערהייטען אין ראדע א באפעלקערונג פון אכט מיט א האלבען מיליאנען מענשען.

די שפראך אין די שולען.

דאס אוקראינישע בילדונגס-מיניסטעריום פירט דורך אן אנקעטע וועגען דער שפראכען-פראגע אין די שולען פון אוקראינע. צו דעם צוועק ווערט צונויפגערופען א באראטונג, אין וועלכער נעהמען ארײַן פארשטעהער פון אוקראינער, רוסען, פאליאקען און אידען.

אזהרה די הײמלאזע.

מיר ווארענען נאך אמאל די אידישע הײמלאזע, זיי זאלען זיך ניט רירען פון זייערע ערטער אפילו דאן, ווען זיי האבען דארויף די געהעריגע ערלויבעניש פונ'ם דײַטשען קאמענדאנט, זיי מוזען ווארטען אויף אן אלגעמײַנער אפיציעלער ערלויבעניש, וואס וועט איינגיכען פארעפענטליכט ווערען.

אידיש אין די גימנאזיעס.

א סך אידישע גימנאזיעס ווענדען זיך אין אידישען מיניסטעריום און אין קאמיסאריאט פון קיעווער לעהר-קרײַז מיט בקשות צו געבען זיי פולע רעכט. אין די פינף גובערניעס פון קיעווער לעהר-קרײַז, זײַנען פאראן 63 אידישע גימנאזיעס, פון וועלכע נאר איניגע האבען אלע רעכט. אבער אלס א תנאי בײַם געבען רעכט א אידישער גימנאזיע ווערט פון מיניסטעריום געשטעלט די פאדערונג אײַנפירען אידיש אלס די איינציגע לעהר-שפראך. אזא מין אומגעזעצליכע האנדלונג רופט ארויס א גרויסע אויפרעגונג צווישען די לעהרער און עלטערן.

הײדאמאקעס שטערען קהלה-וואהלען.

אין באגוסלאוו (קיעוו. גוב.) באגעגענט די וואהל-קאמפאניע צו דער אידישער קהלה שטערונגען מצד די הײדאמאקעס. וועגען דעם האט דאס מיניסטעריום פאר אידישע ענינים אנגענומען די נויטיגע מיטלען.

אין סעוואסטאפאל.

צווישען די דערשאסענע אין סעוואסטאפאל געפינען מיר פאלגענדע אידישע נעמען: די בחורים גידאלעוויטש, יאפע, שולמאן, שווארצמאן, קעסעלמאן, ראוומן, אינזשענער שאכטאק.

א ראבינער אין אחראנקע.

די אויספארשונגס-קאמיסיע איבער די ענינים פון דער אדעסער „אחראנקע" האט איצט געפינען מאטעריאלען, וועלכע באווייזען, אז דער אדעסער געהילף-ראבינער ווײסמאן האט געדינט אין זשאנדארמען-אפטײלונג אלס איבערזעצער פון אידיש אויף רוסיש. אחוץ דעם ווײַזט זיך אויס, אז בשעת ער פלעגט זאגען ודוי מיט די פארמשפטע צום טויט האט ער זייערע געהיימניסען דערנאך איבערגעגעבען דער „אחראנקע".

אינטערעסאנט איז, אז ווײסמאן האט די גאנצע צײַט פון דער רעוואלוציע געלײַקענט זײַן אנטײל אין דער זשאנדארמען-אפטײלונג און נאך געהאט די העזה צו פאדערן פון דער אידישער קהלה א באפרידיגונג פאר דעם, וואס מ'האט אים אפגעזאגט פון דער שטעלע.

דער קריזיס פון די שפיטאלען.

אויך דער אידישער שפיטאל אין אדעס לעבט איבער א שווערען פינאנציעלען קריזיס; בײַ דער אדמיניסטראציע איז ניטא אצינד אפילו קיין 20 טויזענט רובעל צו באצאלען דעם פערסאנאל פאר א חודש געהאלט. דער בודושעט פונ'ם שפיטאל דערגרייכט 600 טויזענט רובעל א יאר.

דער אויפזיכטס-ראט רעכענט זיך צו ווענדען צו די פארמעגליכע קלאסען פון דער אידישער באפעלקערונג זיי זאלען גרינדען א קאפיטאל אויף אונטערהאלטען דעם שפיטאל.

אנטיסעמיטיזם פון דײַטשע קאלאניסטען.

ווי מיר האבען שוין געשריבען, הערשט אין די דײַטשע קאלאניעס א שטארקער אנטיסעמיטיזם. איצט קומען אן ידיעות, אז די אנטיסעמיטישע פארפאלגען דויערן נאך עד היום. אינטערעסאנט איז, וואס די דײַטשע „אדעסער צײַטונג" ברענגט אט די אלע ידיעות און שרײַבט וועגען דעם, אז די אידען אליין זײַנען שולדיג אין דעם, ווײַל זיי רײַצען אן די ארבײַטער און פויערים געגען די ערד-באזיצער.

דער קאלאניאלער אנטיסעמיטיזם האט זיך אויף אזא אופן פארשטארקט מיט דעם צײַטונגס-אנטיסעמיטיזם.

געגען דעם אנטיסעמיטיזם האט אנגענומען מיטלען דער צוזאמענפאר פון די דרום-רוסישע דײַטשען, וועלכע האבען זיך געווענדעט מיט אן אויפרוף צו די קאלאניסטען, זיי זאלען אפשטעלען די רדיפות געגען אידען, ווײַל דאס איז א שאנד פאר די דײַטשען.

פאגראם-כוואליע.

אין מירגאראד, פאלט. גוב., האבען די אוקראינער אכזריותדיג געשמיסען און געפייניגט דעם רב פרידין.

אין חאבנע, קיעוו. גוב., לעבט די אידישע באפעלקערונג אין פאגראם-שרעק. דאס שטעטל ווערט טעראריזירט פון א באנדע, וועלכע צינדט אונטער איבערהויפט אידישע הײַזער און שיסט אין די אידישע וואוינונגען.

אין נערמאנאווקע, קיעוו. גוב., ווערט די אידישע באפעלקערונג טעראריזירט דורך די הײדאמאקעס, וועלכע האבען שרעקליך צוקאליעטשעט אהרן ראפאלאווסקי און עזרא ברוידא.

אין קאנסטאנטינאגראד, פאלט. גוב., ווילדעווען די הײדאמאקעס, צוואנציג מאן האט מען געשאסען, דרײַ אידען נעהרגעט.

גירושים.

די פויערים פון די דערפער לוקיאנאווקע און סקאמאראשקע האבען אויף זייערע פארזאמלונגען ארויסגעטראגען רעזאלוציעס - באשלוסען—ארויסצושיקען די אידען פון די אויבען דערמאנטע דערפער.

אין קיעוו.

קיעווער באפעלקערונג.

לויט די רעזולטאטען פון דער לעצטער פאלקס-צעהלונג אין קיעוו, וועלכע איז פארגעקומען אין סעפטעמבער פאריגען יאר, צעהלט קיעוו, אחוץ די פארשטעט און דעם מיליטער, 467703 אײַנוואוינער, פון זיי: 209086 מענער און 258505 פרויען.

די נאציאנאלע צוזאמענשטעלונג פון דער באפעלקערונג איז פאלגענדע: רוסען—231000, אוקראינער—76000, פאליאקען—42000, אידען—8760.

די אידען בילדען אלזא אויף אזא אופן 19 פראצענט פון דער אלגעמײַנער באפעלקערונג.

לויט דער מוטער-שפראך טיילט זיך די באפעלקערונג איין אויף אזא אופן: 55 פראצ. פון דער באפעלקערונג רעכענען פאר זייער מוטער-שפראך רוסיש, 15 פראצ.—אוקראיניש, 9 פראצ.—פויליש, 18 פראצ.—אידיש.

אידישע פאלק-אוניווערזיטעט.

די אידישע „קולטור-ליגע" אין קיעוו עפענט א פאלק-אוניווערזיטעט מיט אן אפטײלונג אויף פאדאל. אין דעם וועלען געלייענט ווערען פאלגענדע קורסען: 1) די גרונד-יסודות פון ביאלאגיע, 2) דאס לעבען פון געוויקסען, 3) פיזיאלאגיע און אנאטאמיע פון מענשען, 4) היגיענע, 5) קולטור-געשיכטע, 6) סאציאלאגיע, 7) אויטאנאמיע, פעדעראציע און נאציאנאלע פראגע, 8) אלגעמײַנע געשיכטע, 9) אידישע געשיכטע, 10) געשיכטע פון דער ארבעטער-באוועגונג 11) געשיכטע פון דער רוסלענדער רעוואלוציע, 12) פאליטישע עקאנאמיע, 13) מאדערנע וויסענשאפט, 14) פראפעסיאנעלע באוועגונג און ארבעטער געזעצגעבונג, 15) ליטערארישע שולען, 16) אידישע ליטעראטור.

די לעקציעס וועלען פארקומען צוויי אדער דרײַ מאל אין וואך פון 6 ביז 9 אווענט.

אין קהלה-ראט.

פון דער פראווינץ קומען אן לעצטענס קיין קיעוו א סך אידישע כלל-טוער, וועלכע ווילען זיך באקענען מיט די סדרים, וואס הערשען אין דער קיעווער אידישער קהלה. פאר דער פראווינץ איז דער קיעווער קהלה-ראט א מוסטער און א בײַשפיל פאר דער לעזונג פון די פראגען אין וואסער א שפראך, און וואסערע פארמען ס'ווערט געפירט די ארבעט. א. א. וו.

אויך קומען אן פון דער פראווינץ א סך אידישע פרויען, וואס ווילען פארען קיין אמעריקע, און ווענדען זיך מיט פראגען אין דער קהלה-פארוואלטונג. די אימיגראציאנס-קאמיסיע בײַם קיעווער קהלה-ראט האט נאך אבער לעת עתה קיין איין זיצונג ניט געהאט.

פארזאמלונג פון „יט"א".

דעם 21 טען אפריל איז אין קיעוו פארגעקומען א גרויסע פארזאמלונג פון די היגע טעריטאריאליסטען.

עס זײַנען ארויסגעטראטען מיט רעדעס די ה"ה ד"ר גענדעלמאן „אידישע פראגע אין צוזאמענהאנג מיט'ן פאליטישען מאמענט", י. מאנדעלשטאם „אן איבערבליק איבער יטא"ס טעטיגקײַט פאר די לעצטע יארען פאר דער מלחמה", אגראנאם קאמענעצקי „די עוואלוציע פונ'ם ציוניזם—פאלעסטינע און טעריטאריאליזם" און ג. ראבינאוויטש „טעריטאריאליזם אלס א לעזונג פון דער אידישער פראבלעם".

אלע רעדנער האבען אנגעוויזען, אז די איינציגע לעזונג פון דער אידען-פראבלעם איז א אייגענע טעריטאריע, מעג זײַן ווי זי איז. מען דארף האבען ניט אזוי א ארץ-ישראל, ווי א ארץ לישראל.

פאראיין פון אידישע לערער און מלמדים.

דער פראפעסיאנעלער פאראיין פון אידישע פריוואטע לערער און מלמדים איז געגרינדעט געווארן פאריארען אין חודש מאי. באלד אין דער ערשטער צײַט פון זײַן טעטיגקײַט האט ער אויסגעארבעט תקנות, מען זאל העכערן דעם שכר-למוד אין די חדרים ביז 40 פראצ. און פריוואטע לערער—ביז 60 פר. די בעלי-בתים, וואס פארן ארויס אויף דאטשעס, דארפען צאלן די לערער פארן גאנצען דאטשע-סעזאן, די מלמדים און לערער דארפען באקומען איין חודש אין יאר אפרוה און באצאלט פאר דער צײַט.

דער עולם האט זיך באצויגן פרײַנטליך צו די פאדערונגען פון די לערער און מלמדים און באפרידיגט כמעט אלע זייערע פאדערונגען.

דער פאראיין האט איצט געשיקט א פארשטעהער אויפ'ן צוזאמענפאר פון קיעווער געגענט-לערער-פאראיין, וואו ער האט א פארשטעהער אינם ראט, ווי אויך אין דער צענטראל-ראדע.

קאנפערענץ פון „פועלי-ציון".

דעם ה-טען מאי וועט אין קיעוו פארקומען די אוקראינישע קאנפערענץ פון „פועלי-ציון". אויפ'ן סדר-היום שטעהען פאליטישע, קולטורעלע, פאלעסטינישע, ארבעטער-פראגען און ארגאניזאציאנס-ענינים.

אנטיסעמיטישע פראקלאמאציעס.

אין קיעוו ווערען פארשפרייט פּראקלאמאציעס, אונטערגעשריבען פון דער „אוקראינישער מאנארכיסטישער פארטיי", אין וועלכע מ'אגיטירט פאר דער רעסטאווראציע פון מאנארכיזם און מ'ווערט אנגעוויזען, אז „נאר די זשידעס פרייען זיך איצט, ווייל זיי האבען אראבגעווארפען דעם קייזער ניקאלאי, כדי צו באקומען זיך פרייהייט און גלייכע רעכט. דאס האבען ווי ארעסטירט דעם קייזער ניקאלאי מיט זיין פרוי און דעם יורש עצר, און דער געשטורצטער זשיד קערענסקי האט אים אהן א שולד פארשיקט קיין סיביר".

די „פאראייניגטע".

די „פאראייניגטע אידישע סאציאליסטישע ארבעטער-פארטיי" וויל מען מצד אנדערע סאציאליסטישע פארטייען און אינשטאנצען ניט אנערקענען אלס אן עכט סאציאליסטישע פארטיי. מ'צווייפעלט אין איר סאציאליסטישער בשרות און מ'וויל איר ניט געבען קיין פארשטעהערשאפט אין פארשיידענע ארבעטער-אינסטיטוציעס.

אזוי איז אויך אויף דער לעצטער מענשעוויסטישער קאנפערענץ, וואס איז פארגעקומען אין קיעוו, איז געגעבען געווארען א באשלוס, אז בעת די וואהלען, און אלגעמיינע ארויסטרעטונגען דארף מען זיך מיט די „פאראייניגטע" ניט בלאקירען.

אויף דער זיצונג פונ'ם צענטראל-ביורא פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען איז פארלויפיג אבגעזאגט געווארען די פאדערונג פון די „פאראייניגטע" וועגען געבען זיי א פארשטעהערשאפט אין סעקרעטאריאט פון צענטראל-ביורא, ווייל די דאזיגע פארטיי איז ניט אנערקענט פונ'ם אינטערנאציאנאל.

אין ניקאלאיעוו.

צווישען די דערהרגטע בשעת די לעצטע געשעהנישען אין ניקאלאיעוו, געפינען זיך פאלגענדע אידישע נעמען: משה פריטמאר, אייזיק גוטמאן, ישראל זאמאנסקי, לייב פעידמאן, בנימין באנק, נחמיה דאקטארין, יוסף גאלאס, לייב יאזאלינסקי, יעקב באגוסלאווסקי, נפתלי קאגאן, אליה ווארשאווסקי, יעקב אקסעהענדלער, קראוועצאוו, פ. סאסנאווסקי, י. רעזניקאוו, א. גאלדשטיין, פ. כאבאטשניקאוו און י. פראצער.

די נייע קהלות.

אדעס: ציוניסטען—35, בונד—16, פ"צ—11, „אחדות"—11, נאציאנאל-דעמאקראטען—9, פאלקס-גרופע—8, פאראייניגטע—8, ראדיקאל פ"צ—1, הענדלער—2.

סמילא (קיעוו גוב.): ציוניסטען—13, פאראייניגטע—7, בונד—6, „אחדות"—3.

באברויסק: ציוניסטען—379 שטימען, בונד—121, פ"צ—372, צעירי-ציון—280, פאראייניגטע—197, פאלקס-פארטיי—179, „אחדות"—577.

יעקאטערינאפאל (קיעוו, גוב.): בונד—6, פאראייניגטע—5, ציוניסטען—3, „אחדות"—2.

חאדארקאוו (קיעוו. גוב.): ציוניסטען—564 שטימען, בונד—513, פאראייניגטע—126, בעלי-מלאכות—160, „אחדות"—108.

מעדזשיבאוש (קיעוו. גוב.): ציוניסטען—9, בונד און בעלי-מלאכות—10, בעלי-בתים—8, פ"צ—11, דעמאקראטען—1.

קאנעוו: ציוניסטען—7, „אחדות"—4, בונד בעלי-מלאכות—3, פאראייניגטע—1.

זשיטאמיר: ציוניסטען—10, בונד—14, פא ניגטע—6, פאלקס-פארטיי—2, פאלקס-גרופע—4, פ"צ „אחדות"—5.

טעפליק (פאָד. גוב.): ציוניסטען—6, פאראיינ —8, פאלקס-פארטיי—3, פ"צ—4, בונד—1.

קארליביצער קאלאניע (קיעוו. גוב.): פטען—4, פ"צ—7.

וואסילקאוו: סאציאליסטישער בלאק (בונד פ"צ)—9, ציוניסטען—6, בעלי-מלאכות—6, „אחדות" פאלקס-פארטיי—1.

ליפאוועץ (קיעוו גוב.): בונד—10, ציוניסטען פאראייניגטע—2.

אסטראג (וואלינער גוב.): ציוניסטען—8, בונד פאראייניגטע—5, פ"צ—5.

בערדיטשעוו: בונד—23, ציוניסטען—7, אייגענטימער—8, „אחדות"—10, פאלקס-פארטיי—3, פ"צ פאראייניגטע—1.

אינ'ם קיעווער קהלה-ראט.

זיצונג פון 18 אפריל 1918.

פּאָרזיצער—מ. נ. סירקין; סעקרעטאר—גרינפעלד. מ'ווערט אנגענומען פאלגענדער סדר-ה 1) פראטעסט נעגען דער אנעקסיע פון בעסאראב 2) באריכטען פון די קאמיסיעס, 3) וועגען אידיש שפיטאל, 4) באריכט פון דער פארוואלטונג, 5) ואטענפאר פון די קהלה, 6) דעלעגאציע קין ל און פוילען, 7) באציהונגען צו דער שטאט-דו 8) שפראך-פראגע, 9) אנפראגע וועגען לערקי מינאריום און לערער-ביכער.

מ. כץ מאכט אנ'ערקלערונג אין נאמען פרעזידיום וועגען דער אנעקסיע פון בעסאראב דורך רומעניען און לעגט פאר צו אננעמען א פ טעסט-רעזאלוציע נעגען דער דאזיגער גוואלדט וואס בארירט הויפזעכליך די אידען.

מ. ראפעס זאגט זיך ארויס נעגען נוכח דער רעזאלוציע און לעגט פאר אין נאמען בונד אנ'אנדער רעזאלוציע.

שאץ אין נאמען פון די פאראייניגטע איז אלגעמיין מסכים מיט'ן טעקסט פון דער ר לוציע, נאר בראנגט אריין א אויסבעסערונג צווייטען טייל.

רעוואוצקי: מיר וואלטען ניט געוואלט, מ'זאל ערגיץ לייענען וועגען דעם, אז אין א פראגע זיינען פארגעקומען חלוקי-דעות. אינ פראטעסט דארף קלינגען איינשטימיג אלס פראט פון גאנצען אידענטום אין אוקראינע, מיר וו שטימען פאר דער אויסבעסערונג פון ראכמאן ש

לויט'ן פארשלאג פון י. מאכאווער ווערט איינ- מיג פרינציפיעל באשלאסען צו פראטעסטירען ן דער אנעקסיע פון בעסאראביע. דערנאך ם מיט א מערהייט שטימען אנגענומען פאל- ע רעזאלוציע, וועלכע איז אויסגעארבעט געווא- און איינגעטראגען געווארען דורכ'ן פרע- ום:

„די אלגעמיינע פארזאמלונג פונ'ם אידישען קהלה- אין קיעוו, אלס די דעמאקראטישע פארטרעטונג פון גאנצער אידישער באפעלקערונג אין דער הויפט- אט פון דער אוקראינישער פאלק-רעפובליק, דריקט אוים ענערגישען פראטעסט נעגען דער נייער פאליטישער לה פון רומעניען, וואס האט, פאלסיפיצירענדיג די ענטליכע מיינונג, מיט געוואלט באהעפט צו זיך גאנץ סאראביען, נישט פרעגענדיג די מיינונג פון אירע נאצי- און דערמיט פארלעצט דעם פרינציפ פון נאציאנאלער בסט-באשטימונג.

צו גלייכער צייט קאנסטאטירט די קיעווער אידישע לה מיט צער און צאר, אז דורך דער דאזיגער גוואלד- ט ווערט איבערגעגעבען א גרויסער טייל פון דער אידי- ער נאציע, וואס פאלט אריין אונטער א רעאקציאנערע ן אנטיסעמיטישע רעגירונג, וועלכע האט אין א משך ן לאנגע דורות מיט בלוט און טרערען אנגעפולט די שיכטע פון די אידען אין רומעניען.

די קהלה לעגט ארויף אויף איר פרעזידיום דעם ב צו זוכען אין ענגען צוזאמענבונד מיט די פאסענדע א- שע פאליטישע פארטרעטונגען אלע פאליטישע וועגען און ן, כדי צו דערקעמפען פאר די בעסאראבער אידען די ענשליכע, פאליטישע און נאציאנאלע פולבארעכטיגונג."

נאכ'ן אבשטימען קומט פאר א אינצידענט ט'ן ראטמאן שאץ, וועלכער ערקלערט, אז דער רזיצער האט אים ניט געגעבען דאס ווארט צו בען א מעלדונג און באנוצט דערביי דעם אויס- ק, אז ס'איז באגאנגען א „פאליטישען פאר- רעכען".

דער פארזיצער לעגט אים פאר נעמען די רטער „פאליטישער פארברעכען" צוריק און ער- ערט, אז ער האט געהאנדעלט לויט די תקנות ס'קאן נאר קיין רעד ניט זיין „וועגען פארטא- ען דאס מייל".

שאץ זאגט זיך אב צו ערפילען די פאָרדע- נג פון פארזיצער און דאס ווארט ווערט ביי אים איז גענומען. עטליכע סאציאליסטישע רעדנער טרע- דערנאך ארויס און נעמען זיך אן די קריוודע נ'ם ראטמאן שאץ, איבערחזר'נדיג די זעלבע רטער.

דער פארזיץ נעהמט איבער צו י. מאכאווער ן מ'נעהמט איבער צו דער צווייטער פראגע פון דר היום, ה' אלעשקאווסקי לייענט א באריכט פון קנות-קאמיסיע און נאך קליינע וכוחים ווערען גענומען די תקנות פאר'ן קיעווער אידישען קהלה- ט, נאכדעם גיט אב א באריכט דער פארשטעהער פון דער ליקווידאציאנס-קאמיסיע (וואס נעמט איבער אלע אנשטאלטען פון דעם אלטען קהל-שטיבעל) ה' נאנאבאלסקי, וועלכער שילדערט דעם טרויעריגען מצב פון דער געשעפטס-פירונג, וואס האט דארטען געהערשט, און קאנסטאטירט, אז באקומען א גענויען סטאטיסטישען באריכט פון אלע געלט-חשבונות איז זעהר שווער איבער דער נאכלעסיגקייט פון דער בוכפירעריי אין דעם אלטען קהל-שטיבעל.

נאך קורצע דעבאטען, אין וועלכע ס'האבען זיך באטייליגט די ה"ה רעוואוצקי, נורעוויטש, זשיטניק, גרינבערג א. א. ווערט דער באריכט אנגענומען.

עס ווערט אריינגעטראגען מעלדונגען פון דער ציוניסטישער פראקציע, אז זיי רופען אב פון קהלה-ראט זייער ראטמאן נירענבערג און זיין ארט פארנעמט—משה ראזענבלאט. „בונד" רופט אב זיינע ראטמענער זאלאטאריעוו, חייסענבלים, קאלטון און זייער ארט ווערען פארנעמען טיאסקין, ציפקין און קאנטאר.

ביים שליסען די זיצונג טראגט דער ראטמאן פיסארעווסקי („דרור") אריין א אינטערפעלאציע דעם פרעזידיום, פאר וואס מען שרייבט אין קהלה-קאנצעלאריע אלע פאפירן אויף אידיש אליין און ניט אויף ביידע שפראכען, אידיש און העברעאיש.

איבער פארשטעלע טעמים איז די דאזיגע אינטערפעלאציע ניט אנגענומען געווארען.

זיצונג פון 22-טען אפריל.

פארזיצער — מ. נ. סירקין; סעקרעטאר — י. גרינפעלד.

אין אנהויב פון דער זיצונג איז ארויסגעטראטען מיט א אויסערארדענטליכער ערקלערונג דער פארשטעהער פון די פאראייניגטע ה' עפשטיין, אין וועלכער ער מעלדעט, אז צוליב דעם, וואס אויף דער פאריגער זיצונג האט מען דעם פארשטעהער פון די פאראייניגטע ניט געלאזט רעדען און צוליב דעם, וואס דער פרעזידיום פארנעמט זיך מיט פאליטישע ארויסטרעטונגען, ווי די דעקלאראציע וועגען בעסאראביע, א. א., און איז ניט א ריין זאכליכער ארגאן, רופען די פאראייניגטע אב זייער פארשטעהער פון פרעזידיום.

דער פארזיצער ווייזט אן אז לויט'ן פונקט 2 פון די תקנות פונ'ם קיעווער אידישען קהלה-ראט געהער צו די פליכטען פון פרעזידיום די פארשטעהערשאפט פון דער אידישער קהלה אין אלע נויטיגע פאלען.

דערנאך מעלדעט דער פארזיצער, אז אזוי ווי נאכ'ן געזעץ האט יעדער בירגער דאס רעכט זיך

אויסקלויבען א מאסערן טאג פון דער וואך אויף צו רוהען, האט זיך דער פרעזידיום געווענדעט צו אלע אידישע אנשטאלטען און אנגעשטעלטע, וועלכע ווילען רוהען אום שבת אנשטאט זונטאג, אז זיי זאלען וועגען דעם מעלדען דער קהלה, כדי די לעצטע זאל זעהן אננעמען די נויטיגע מיטלען דעם דאזיגען ווילען זייערן צו פארווירקליכען אין לעבען.

די דאזיגע מעלדונג רופט ארויס א סך וכוחים, אין וועלכע עס באטייליגען זיך טיאמקין (בונד), גאלדעלמאן (פ"צ.), עפשטיין (פאראייניגטע), רעוואיצקי, לעחיטאי, שאץ א. א., וועלכע קריטיקירען דעם פרעזידיום, וואס האט, לויט זייער מיינונג, קיין רעכט ניט געהאט זיך פארנעמען מיט אזא פראגע ווי אויספרעגען די אידען, וועלכע ווילען רוהען שבת אנשטאט זונטאג.

געגען זיי טרעטען ארוים בעלאצערקאווסקי, קאלקער א. א., וועלכע באווייזען, אז דער פרעזידיום האט געהאנדעלט, ווי עס דארף צו זיין.

ה' סירקין: אין אונזער ווענדונג צו די אידישע אנגעשטעלטע האבען מיר זיך געשטיצט אויף דעם באשטימטען באשלוס פון דער שטאט-דומע, אז צוויי דריטעל פון די אנגעשטעלטע קאנען פאדערן מ'זאל רוהען אן אנדער טאג, ניט זונטאג; מיר האבען זיך דעריבער געווענדעט צו אלא אנגעשטעלטע, אז זיי זאלען זעהען ווירקען, מ'זאל אט די פאדערונג ארויסשטעלען.

מיר רעכענען, אז דער קהלה-ראט דארף זארגען ניט נאר פאר דער חברה-קדישא און בקור-חולים, נאר דארף זיך פארנעמען מיט פאליטישע און סאציאל-עקאנאמישע פראגען.

מיר ווילען ניט נאכמאכען דעם לינקען פליגעל וואס טעראריזירט אונז אין דער אנשטאלט, וואו מיר זיינען די מינדערהייט, אבער מיר ווילען מאכען א סוף מיט'ן קהל-שטיבעל און שאפען פון קהלה-ראט א אידישען שטאט-פארלאמענט. מיר שטרעבען צו געמיינשאפטליכער ארבעט מיט'ן לינקען פליגעל, מיר רופען צו פאזיטיווער ארבעט.

די מערהייט באשטעטיגט דעם טאט פון פרעזידיום. נאכדעם ערקלערט דער פארשטעהער פון פועלי-ציון, אז זיין פראקציע רופט אב איר פארשטעהער אין פרעזידיום.

ס'געהט איבער צו די וויכטיגערע פראגען פון סדר-היום און ד"ר רייכמאן לייענט א באריכט פון דער מעדיצינישער קאמיסיע. ד"ר נארבער לייענט א פארטראג וועגען אידישען שפיטאל, פאר וועלכען מ'דארף האבען ביי ניין הונדערט טויזענט רובל א יאר, דערביי קאן מען האפען, אז די שטאט-דומע וועט געבען 300000 רובל.

נאך לאנגע וכוחים, אין וועלכע ס'האבען זיך באטייליגט וויינשעלבוים, כץ, ראבקין, בעלאצערקאווסקי, סלאנים, גאלדעלמאן א. א. איז אנגענומען געווארען פאלגענדע רעזאלוציע:

באטראכטענדיג די קהלה אלס אן ארגאן פון נאציאנאל-פערסאנאלער אווטאנאמיע, געפינט דער קהלה-ראט, אז דער קיעווער אידישער שפיטאל דארף זיך געפינען אינ'ם רשות פון דעם אידישען קהלה-ראט; מען דארף פאדערן ביי דער שטאט-דומע א פראפארציאנעלען לויט דער צאל פון דער אידישער באפעלקערונג סכום געלט.

דערביי ווערט באפולמעכטיגט די קהלה-פערוואלטונג צוזאמען מיט דער מעדיצינישער קאמיסיע, אז זי זאל אויסארבייטען די פארם פון דער השגחה איבערן אידישען שפיטאל, אסיגנירען פאר'ן שפיטאל 25 טויזענט רובל מאנאטליך, פאדערן פון דער דומע 25 טויזענט רובל מאנאטליך נאר בתנאי, אז דער שפיטאל זאל בלייבען אווטאנאם; זיך באמיהען, אז די געגענט-קהלות, וועלכע באנוצען זיך מיט'ן אידישען שפיטאל זאלען ארויסגעבען פאר אים א געוויסע סובסידיע און אויסער דעם, באטראכטען די תקנות פונ'ם שפיטאל כדי זיי צו ענדערן אין א מער דעמאקראטישען זין.

דערמיט ווערט אויסגעשעפט דער סדר-היום פון דער זיצונג.

אין דער אידישער וועלט.

ליטא.

פון דער פרעסע.

אין דעם זאמעלבוך „מעת לעת", וואס איז ניט לאנג ערשינען אין ווילנא אונטער דער רעדאקציע פון ש. ל. ציטראן, געפינען מיר אן אינטערעסאנטען ארטיקל איבער דער אידענפראגע אין ליטא.

אנערקענענדיג, אז די אידען, וועלכע מאכען אויס 14 פראצ. פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג, פארנעמען נאך די ליטווער און ווייסרוסען דעם דריטען ארט און שפילען לויט זייער קולטורעלער מדרגה און אנטייל אין אינדוסטריע און מסחר א באזונדערס גרויסע ראליע אין די שטעט, וואו זיי בילדען אין אייניגע ערטער א מערהייט (העכער 50 פראצ.), באהאנדעלט דער מחבר פונ'ם ארטיקעל אויספירליך די איצטיגע אויפגאבען און צילען פונ'ם ליטווישען אידענטום.

„די נייע עפאכע"— ווערט געזאגט אינ'ם ארטיקל,— טאר מער ניט טראגען דעם שטעמפעל פונ'ם „מה-יפית-אידען" און דארף זיך מער ניט האלטען בײַם פרינציפּ: „וואס וועלען די ניט-אידען זאגען?". דער היסטארישער וועג פון איצט אן דארף אויסבאדינגט זיין דורכאויס א אידישער און אומאבהענגיגער... מיר מוזען אויסקעמפען אונזערע רעכט אלס נאציאן, מיר מוזען אין געמיינשאפטליכער פריינדשאפט מיט אנדערע פעלקער אריינטרעטען אין דער נייער געשיכטע פון ליטא און פוילען מיט'ן באוואוסטזיין פון אונזערע נאציאנאלע אויפגאבען".

אזעלכע געדאנקען הערען אויך ארויסגעזאגט אין ווילנער „לעצטע נײַ" אינ'ם ארטיקל פון א. אלשוואנגער.

„אונזער פרינציפּ מוז זײַן: די זעלבשטענדיקייט פון דער אידישער נאציע אלס אזעלכע.

פון דעם דאזיגען פרינציפּ פליסען שוין ארויס אלע פאלגערונגען, די איבעריגע פאדערונגען פון די אידען. די זעלבשטענדיגע באהיטונג און פירונג פון די נאציאנאלע, קולטורעלע און ווירטשאפטליכע אינטערעסען, די פינאנציעלע באזארגונג פון די נאציאנאלע באדערפענישען, די אנערקענונג און גלײַכבארעכטיגונג פון דער אידישער שפראך. כדי דורכצופירען אין לעבען אט די אלע פרינציפּען דארף מען פריהער פאר אלץ איינריכטען אידישע קהלות, דעמאקראטיש אויסגעקליבענע, און צוזאמענרופען אן אלגעמיינע אידישע קאנפערענץ אין ווילנא, וואס זאל שאפען אנ'איינהייטליכע ארגאניזאציע און אויסקלויבען א פארטרעטונג, וואס זאל אויספירען די גאנצע פארבערייטונגס-ארבעט".

אידישע אפערע אין ווילנע.

אין ווילנע האט זיך געגרינדעט א אידישע אפערע אונטער דער אנפירונג פון יוסף ווינאגראדאוו און מיט דער באטייליגונג פון באוואוסטע ארטיסטען.

דארט האט זיך אויך געגרינדעט א אידישער סימפאנישער ארקעסטער.

אידישע קורסען אין ווילנע.

אין ווילנע עקזיסטירען אצינד עלעקטראטעכנישע און ארכיטעקטאנישע אידישע קורסען אין א אידישער ארבעטער-קינסטס-פאראיין.

„משמרת חולים" ווערט פארמאכט.

איינע פון די עלטסטע און וויכטיגסטע מעדיציניש-היגיענישע אנשטאלטען אין ווילנע—דער „משמרת חולים"— האלט צוליב דוחק אין געלט בײַם פארמאכען זיך.

די שפראך-פראגע.

אויף דער זיצונג פון 7 אפריל איז אין ווילנער אידישען צענטראל-קאמיטעט (פארטרעטער פון ווילנער קהלה) באהאנדעלט געווארען די שפראך-פראגע און ס'איז אנגענומען געווארען א פרינציפיעל'ער באשלוס, אז דער צענטראל-קאמיטעט האט, פונקט ווי דאס אידישע פאלק, צוויי שפראכען: אידיש און העברעאיש.

ענגלאנד.

א איד—באטשאפטער אין אמעריקע.

פאר א ענגלישען באטשאפטער אין די פאראייניגטע שטאטען איז די טעג באשטימט געווארען דער איד לארד רידינג (סער רופוס אייזיקס), וועלכער איז פריהער געוועזען יוסטיץ-מיניסטער.

דייטשלאנד.

דייטשער אנטיסעמיטיזם.

דער „לייפציגער טאגעבלאט" ברענגט א ידיעה, אז א פארוואלטער פון א מאנך לעראינסטיטוט האט אבגעזאגט אנצונעמען א תלמיד א אידען, „ווייל די מיילנעסער ווינען געגען אננעמען איזראעליטען". די צייטונג איז מוסיף, אז ס'וואלט געווען כדאי מ'זאל אט דעם מענשען מיט זיין נאמען אנרופען און אים צום שאנד-סלופ שטעלען.

א מענדעלע-טרויער-אווענט אין בערלין.

דער בערלינער ליטעראריש'ער פאראיין „פרץ", וועלכער איז געגרינדעט געווארען מיט 2 יאר צוריק און קאנצענטרירט אין זיך די באוואוסטזיניגע מזרח-אידישע ארבעטערשאפט און אינטעליגענץ, האט פאריגען חודש איינגעארדענט א טרויער-פארזאמלונג צום אנדענק פון מענדעלע מוכר ספרים. איבער 400 מענשען האבען אנגעפילט דעם גרויסען זאל.

געעפענט די טרויער פארזאמלונג האט דער רוסישער קאמפאזיטאר פאול קאוואלעוו. דער דיכטער און שריפטשטעלער ז. שניאור האט דערצעהלט פערזענליכע זכרונות פון דעם זיידען אין די יארען 1901, 1907 און 1914. נאך דעם האט א. סינגאלאווסקי געהאלטען א פארטראג וועגען מענדעלעס שאפען, ארומרעדענדיג די עפאכע פון זיין ווירקען און זיין באדייטונג פאר דער אידישער ליטעראטור.

דערנאך האבען די ה"ה שידלאווער און ציטראנאווסקי אויפגעפירט דעם דיאלאג פון „פישקע דער קרומער"—מענדעלע און אלטער יכנה"ז. צום סוף האט דער דיכטער שניאור פארגעלעזען זיין געדיכט „די עלעגיע פון זיידען".

עסטרייך.

דער מעמאראנדום פון דעם עסטרייכישען נאציאנאל-אידענטום צו דער רעגירונג.

דעם 12-טען און 15-טען מארט 1918 האט א דעלעגאציע פונ'ם עסטרייכישען נאציאנאל-געזינענעם אידענטום, וועלכע איז באשטאנען פון ד"ר בענגא שטרויכער, אדאלף שטאנד און אינזשענער שטריקער, באזוכט דעם מיניסטער-פרעזידענט זיידלער און אינערן-מיניסטער גראף טאגענבורג און נאך א געשפרעך וועגען דער אידענפראגע אין עסטרייך פארגעשטעלט א מעמאראנדום, אין וועלכען עס זיינען פארמולירט די פאלגענדע פאדערונגען פונ'ם עסטרייכישען אידענטום.

אנערקענען די אידישע נאציאן אלס אזעלכע און אנערקענען די רעכט פון דער אידישער און העברעאישער שפראך; אלע פארבאטען און באשרענקונגען מוזען תיכף אבגעשאפט ווערען.

געבען די אידען דאס רעכט אויף אייגענע שולען אויף ערציהען די קינדער אין אידישען גייסט.

פראפארציאנעלע פארטרעטונג פון די אידען אין רייכסראט, אין די לאנדטאגען און אין די געמיינדע פארוואלטונגען דורך דער שאפונג פון אידישע וואהל-קוריעס.

פארטרעטונג פון די אידען אין דער מלוכה-רעגירונג דורך א מיניסטער אדער סטאטס-סעקרעטאר.

דורכפירען די בירגערליכע גלייכבארעכטיגונג פון די אידען.

די ארגאניזאציע פון דער אידישער נאציע דורך שאפען א מלוכה-פארבאנד אויפ'ן יסוד פון דעמאקראטישע וואהלען.

ענדליך, ארגאניזאציע פון די אידישע רעליגיעזע אנשטאלטען.

די דעפוטאציע האט אויספירליך באקאנט געמאכט די מיניסטארן מיט דער פראגע און גענוי באגרינדעט יעדע פאדערונג מיט וויסענשאפטליכע, געשיכטליכע און פאליטישע באווייזע.

די מיניסטארן האבען ארויסגעוויזען א גרויסען אינטערעס צו דער פראגע, באטייליגט זיך אינ'ם געשפרעך און ערקלערט, אז אויף וויפיל ס'איז נאר מעגליך וועלען זיי די פאדערונגען שטיצען און וועלען זעהען ווירקען, אז בשעת די בעראטונגען וועגען דער רעפארם פון דער עסטרייכישער קאנסטיטוציע זאל שטענדיג אויסגעהערט ווערען די שטים פון די פארטרעטער פון דעם נאציאנאל-געזאנענען אידענטום.

אינטערפעלאציע וועגען די פאגראמען אין גאליציען.

דער דעפוטאט פון עסטרייכישען פארלאמענט ד״ר שטרויכער האט אריינגעטראגען אן אינטערפעלאציע וועגען די עקסצעסען געגען די גאליצישע אידען, וואס קומען אפט פאר די לעצטע צייט אין עסטרייך. אין דער אינטערפעלאציע ווערען אויסגערעכנט אלע פאלען פון אידישע פאגראמען און רויבערייען און ס'ווערט געפאדערט אנצונעמען שארפסטע מיטלען געגען דעם, ווי אויך באפרידיגען די גאליצישע

די אינטערפעלאציע איז אונטערגעשריבען דורך אסך דעפוטאטען פונ'ם פארלאמענט.

א פאגראם אין קראקוי.

פון ווין מעלדעט מען מיר, אז אין קראקוי איז פארגעקומען א אידישער פאגראם, וועלכער האט אנגענומען זעהר א ערנסטען כאראקטער. אונטער דער אנפירונג פון פוילישע לעגיאנען און סטודענטען האט זיך א המון א לאז געטאן אין אידישען קווארטאל און אנגעהויבען דארט הרוב-מאכען און ראבעווען די קליטען. בייטאג זיינען פארגעקומען איינצעלנע איבערפאלען און צווישען די געהרגעטע געפינט זיך א 50-יעריגער איד, וועלכער איז נאר וואס געקומען פון דעם פראנט. צווישען די שווער פארוואונדעטע, וועלכע מען צעהלט אן מער ווי צוואנציג, געפינט זיך איין וואכטמייסטער און איין אפיציר.

ארטאדאקסישע קאנפערענץ אין עסטרייך.

ניט לאנג איז אין ווין פארגעקומען א קאנפערענץ פון ארטאדאקסען, צו וועלכער עס זיינען געקומען מער ווי 100 דעלעגאטען. געעפענט איז די קאנפערענץ געווארען דורכ'ן פארזיצער פון „פאראיין צו שיצען די אינטערעסען פון ארטאדאקסען אידענטום" ה' האפבויער. די קאנפערענץ האט באהאנדעלט די פראגען וועגען „די ארטאדאקסיע אין עסטרייך", „די ארטאדאקסיע אין דער געמיינדע", „די שטעלונג פון דער ארטאדאקסיע צו דער שלום-פראגע" און וועגען „ישוב ארץ ישראל".

ס'זיינען אנגענומען געווארען רעזאלוציעס וועגען שבת-רוה, וועגען כשר עסען פאר אידישע סאלדאטען א. א.

וועגען ישוב ארץ ישראל איז אנגענומען געווארען פאלגענדע רעזאלוציע:

די ארטאדאקסיע זעהט אין דער שטיצונג פון אידישען ישוב אין ארץ ישראל קודם כל א גרויסע מצוה, גלייכצייטיג איז עס אבער אויך א מיטעל צו שטארקען דעם אידישען עקאנאמישען לעבען. דער ישוב אין ארץ ישראל זאל געפירט ווערען אין גייסט פון דער אמונה און די ארטאדאקסיע זאל דערביי האבען די געהעריגען השפעה.

די שטיצונג פון אידישען ישוב זאל אויך דינען דערצו, אז דארט זאל ווערען געשאפען א רעליגיעז-גייסטיגער צענטער דורכ'ן גרינדען פון א גרויסער ישיבה, שטיצען די רעליגיעזע ליטעראטור און פארשען דעם עבר פון ארץ ישראל.

באפרייט הילזנער'ן.

פון ווין מעלדעט מען מיר, אז ענדליך איז איבערגעקוקט געווארען דער פראצעס פון יאזעף הילזנער, וועלכער איז צוריק מיט 18 יאהר פארמשפט געווארען אין בעהמישען שטעטעל פאלנא צו טויט-שטראף פאר א „ריטואלען מארד" וואס איז שפעטער פארביטען געווארען אויף אייביגע קאטארגע.

אלע פרובען, וואס הילזנער'ס פארטיידיגער האבען ביז איצט געמאכט, מ'זאל זיין פראצעס נאכאמאל איבערקוקען, האבען ניט געהאט קיין ערפאלג, און ערשט איצט האט מען דעם פראצעס איבערגעקוקט, דעם פסק-דין בטל געמאכט און הילזנער'ן באפרייט.

דייטשער אנטיסעמיטיזם.

אין דער „הויפשולצייטונג", וואס קומט ארויס אין ווין, ווערט געשטעלט די פראגע פארוואס מען ערלויבט נישט-דייטשען, וואס זיינען גאר פרעמד דעם דייטשען פאלק צו שרייבען אין דער דייטשער פרעסע.

אין דער דאזיגער אנטיסעמיטישער נאטיץ ווערט באזונדערס געזאגט, „זאלען אט די „פרעמדע" (אידען מלע״ו) בעסער העברעאיש שרייבען!"

א רעגירונגס-שטיצע פאר די אונגארישע אידען.

לויט די אונגארישע געזעצען דארפען די רעליגיאנס- און שול-באדערפענישען פון יעדער נאציע באפרידיגט ווערען אויפ'ן חשבון פון דער מלוכה. בנוגע צו אידען איז דער דערמאנטער געזעץ ביז דער לעצטער צייט געווען נאר אויפ'ן פאפיר. ענדליך איז איצט פון דער רעגירונג באשטימט געווארען א פאנד פון 20 מיליאן קראן פאר די אידישע רעליגיעזע צוועקען.

לויט דער צאל פון דער באפעלקערונג דארפען פאר די אידען אסיגנירט ווערען 60 מיליאן קראן.

די אידישע בינע אין ווין.

די אידישע ארטיסטען אין ווין זיינען ענדליך ארגאניזירט געווארען און אנגעשלאסען אין אלגעמיינעם וויענער טעאטער-פאראיין.

פוילען.

דער אידישער אויבער-ראט.

אינם גאנצען ווארשעווער גענעראל-גובערנעמענט זיינען די וואלען צו די אידישע קהלות-פארוואלטונגען שוין כמעט געענדיגט. עס דארפען פארקומען וואלען נאר אין די צוויי גרויסע

לות פון ווארשא און לאדז, אין דער טשענסטאכאווער
הלה אין אין נאך צוויי שטעט, וואו די וואלען האבען גע-
וזט אפגעלעגט ווערען צוליב סאניטאר-היגיענישע סבות. נאכ-
עם ווי עס וועלען פארענדיגט ווערען אלע וואלען, וועלען באלד
אשטימט ווערען די וואלען פון די קרייז-קהלות-פארוואלטונגען
עלכע ווערען געוועהלט דורך די מיטגלידער פון די קהלה-
ארוואלטונגען, און באלד דערנאך וועלען פארקומען די וואלען
ון אידישען אויבער-ראט פון דעם טייל מיטגלידער פון די
קרייז-קהלות און פון די גרויס-קהלות-פארוואלטונגען, און די
עשט וועלען באשטימט ווערען דורך דער צענטראלער מאכט
ון לאנד.

פוילישע אדוואקאטען.

די קוואליפיציצירונגס-קאמיסיע פון דער פוילישער אדוואקאטען סעקציע האט אפגעווארפען די בקשה פונם ראטמאן נח פרילוצקי צו פאררעכענען איהם צווישען די געשוואוירענע פוילישע אדוואקאטען.

די צאל איינוואוינער אין לובלין.

לויט א סטאטיסטישען באריכט פון לובלינער מאגיטראט געפינען זיך אין לובלין 81198 איינוואוינער, צווישען יי: 19425 קריסטליכע מענער און 25680 קריסטליכע פרויען, 1644 אידישע מענער און 19650 אידישע פרויען. אין דער אהל געהען ניט אריין די איינוואוינער פון לובלינער ארשטעט.

אידישער לערער-סעמינאריום אין לאדז.

דאס פוילישע מיניסטעריום פאר רעליגיעזע ענינים און בילדונג האט געגעבען אן ערלויבעניש דעם פאראיין פון אידישע מיטעל-שולען צו עפענען אין לאדז א סעמינאר אויף וצוגרייטען לערער פאר אידישע למודים (אידישע רעליגיאן, העברעאיש, אידישע געשיכטע און ליטעראטור).

די תלמידים, וואס וועלען ענדיגען די סעמינאריע ועלען מעגען זיין לערער נאר פון אידישע למודים; כדי צו לער- ען אנדערע למודים וועלען זיי מוזען האלטען א תוספה- קזאמען.

די למוד-שפראך אין דער סעמינאריע וועט זיין: פאר לגעמיינע למודים פויליש, פאר אידישע — העברעאיש.

די אידענפראגע אין לאדזער שטאט-ראט.

אויף די זיצונגען פון לאדזער שטאט-ראט טרעטען די די פוילישע ראטמענער ארויס געגען אידישע נאציאנאלע אדערונגען און באליידיגען די אידישע שפראך מיט אונפאר-לאמענטארישע וויצען און שקרים.

די אידישע ראטמענער טרעטען ארויס מיט שארפע פראטעסטען און ערקלערונגען. באזונדערס טרעטען ארויס ענערגיש די ראטמענער ד״ר ראזענצווייג (פועלי-ציון) א ד״ר ראזענבלאט (ציוניסט).

די וואהלען אין פוילישען מלוכה-ראט.

לויט די ערשטע רעזולטאטען פון די וואהלען אין וילישען מלוכה-ראט איז לעת עתה אויסגעקליבען איין ארשטעהער פון דער אידישער פאלקס-גרופע — פרילוצקי. אין לוכה-ראט וועלען אין אלגעמיין זיין ניט מער פון 9 אידען: באשטימטע און 4 אויסגעקליבענע.

חדרים אין פוילען.

דער גערער און אלעקסאנדרער רביים קלויבען צווישען ייערע חסידים גרויסע געלט-סומען, כדי צו גרינדען אין פאר-שידענע שטעט חדרים, וועלכע זאלען זיין שטרענג ארטאדאקסיש.

אין ווארשאווער שטאט-ראט.

אויף איינער פון די לעצטע זיצונגען אין ווארשאווער שטאט-ראט האט נח פרילוצקי אין נאמען פון דער פאלקס-גרופע ערקלערט, אז צוליב דעם, וואס די מערהייט פון שטאט-ראט איגנארירט די גערעכטע פאדערונגען פון די אידען צו געבען דריי ערטער אין פרעזידיום פאר אידען, וועלכע מאכען אויס אין ווארשא העכער 40 0/0, און צוליב דער שרעקליכער פיינדליכער פאליטיק בנוגע צו דער אידישער באפעלקערונג וועט די פאלקס-פארטיי זיך ניט באטייליגען אין די וואהלען פון פרעזידיום.

„דווא גראשע" און די אסימילאטארען.

אין די ווארשאווער אסימילאטארישע קרייזען האט געמאכט א גרויסען רושם דער לעצטער ארטיקעל אין דער „דווא גראשע", וועלכע עצהט דער פוילישער רעגירונג, אז זי זאל זיך איפהערען אינפארמירען וועגען אידישע ענינים ביי די אסימילאטארען, וואס האבען שוין פארלוירען זייער השפעה אויף די אידישע מאסען, און בעסער זיך [illegible] נויפריידען מיט די אידישע נאציאנאליסטישע גרופען.

אידען אין ווארשאווער אוניווערזיטעט.

לויט די סטאטיסטישע ידיעות, איז אין ווארשאווער אוניווערזיטעט פאראן העכער 50 0/0 אידען. די „דווא גראשע" און „קוריער פאלסקי" לאזט דער דאזיגער פאקט נישט רוהען און זיי שרייען כסדר וועגען דעם „פאראידישטער אוניווערזיטעט".

אין בענדין.

נאך דער אנפראגע אויף דער לעצטער זיצונג פון בענדינער שטאט-ראט איז ענדליך באשלאסען געווארען, אז דער מאגיסטראט זאל מער ניט איינקאסירען פון דער אידישער געמיינע-פארוואלטונג די הוצאות פאר היילען די אידישע טיפוס-קראנקע, ווייל זיי דארפען געהיילט ווערען אויפ'ן חשבון פון דער שטאט פונקט אזוי ווי די ניט אידישע.

די אידישע עקספערטען.

כדי צו פארשטעהען די טראגישע לאגע פון די אידען אין פוילען איז גענוג צו באטראכטען די דריי עקספערטען פאר אידישע ענינים, וועלכע זיינען פארטראטען אינ'ם פוילישען מלוכה-דעפארטאמענט פון רעליגיאנס און בילדונגס-ענינים. דער, וועמען מ'האט איבערגעגעבען די אידישע שולען, איז א געוועזענער סעקרעטאר פון די אסימילאטארישע קהלה-שולען אין ווארשע, וואו מען לערנט ניט קיין אידיש, ניט קיין העברעאיש, און כלל קיין שום אידישע לימודים, און וואו דאס רוב פון די לערער זיינען משומדים.

דער צווייטער וועמען מ'האט אנגעטרויט די רעליגיאן און געמיינדע-עקזיסטענץ איז א גאנץ אומבאקאנטער, יונגער אסימילאטאר — א מענש, וועלכער האט גארנישט צו טון מיט אידישע פראגען בכלל און מיט דער רעליגיאן בפרט.

דער דריטער איז דער באוואוסטער אסימילאטארישער פובליציסט וואסערצוג, וועלכער האט זיך געשטעלט אלס לעבענס-אידעאל צו באקעמפען די אידישע אייגענארטיגקייט און טראדיציאן; ער האט אפטען ערקלערט אין דער פוילישער פרעסע, אז די אידישע רעליגיאן איז בארבאריש און יעדער קאמף געגען איר מוז מען אונטערשטיצען.

ס'איז לייכט צו פארשטעהען, וואס פאר א פאטש אין פנים דער אידישער באפעלקערונג אין פוילען איז די באשטימונג פון אזוינע „עקספערטען".

אַנטיסעמיטיזם.

די לאנדווירטשאפטליכע געזעלשאפט אין לובלין האט אויף איר לעצטער זיצונג אנגענומען פאלגענדע רעזאלוציע: „נעמענדיג אין באטראכט דעם גרויסן איבערפלוס פון די אידען אויפ'ן געביט פון אונזערע וויכטיגסטע נאציאנאלע אינטערעסען, געפינט די לאנדווירטשאפטליכע געזעלשאפט אין לובלין פאר נייטיג צו גרינדען א קאמיסיע, וועלכע זאל שטעהען אויף דער וואך פון אונזערע אינטערעסען. די אויפגאבע פון דער קאמיסיע באשטעהט אין דעם, אז דאס קויפען און פאר־קויפען פון אלע לאנדווירטשאפטליכע פראדוקטען זאל זיין אין אונזערע הענט און אויך גרינדען קאאפעראטיוון, וועלכע זאלען די דאזיגע פראדוקטען אויפקויפען!

אין דער דאזיגער פארזאמלונג האבען זיך באטייליגט פארשטעהער פון אלע פוילישע און גאליצישע שטעט.

דער רעטונגס־קאמיטעט אין לובלין האט מיט דער הילף פון די ארטיגע אפטיילונגען איינגעארדענט אין דער גאנצער פראווינץ א רייהע קורסען פאר בוי־ארבעטער און בוי־אונטערנעמער. דער צוועק פון די דאזיגע קורסען איז פארצובאריימען די נויטיגע צאל כחות, וועלכע וועלען קאנען אין מאמענט, ווען עס וועט זיך ענדיגען די מלחמה, צוטרעטען צו דער אויפבויאונג פון די שטעט. די אנפירער פון די דאזיגע קורסען האבען אבער קיין איינציגען אידישען בוי־ארבעטער ניט צוגעלאזען צו די דאזיגע קורסען.

אין פעטראקאוו איז פאראן א גימנאזיע, וואו אידישע קינדער ווערען ניט אנגענומען. א שרעקליכען אנטיסעמיטישען קאמף פירט אן דער פאראיין פון די פוילישע הויזבאזיצער. באזונדערס שטארק איז דער אנטיסעמיטיזם אויפ'ן געביט פון דער פאליטישער עפענטליכקייט. ביי דער קאנפערענץ פון אלע שטאט־פארוואלטונגען איז קיינער פון די 200 אידישע גלאסנע אויפ'ן שטח פון גאנצען עסטרייכישען אקופאציע־געביט ניט אויסגעוועלט געווארען. קיין איינציגער איד איז ניט אויסגעוועהלט געווארען אין קרייז־סיים, וועלכער פאראייניגט 38 שטעט. ווען אין העלם האט מען אויסגעוועהלט א העלפס־דעפוטאטען אידען, האבען די פאליאקען איינגעדריקט קעגען דעם א שטארקען פראטעסט און האבען זיך אבגעזאגט פון זייערע מאנדאטען.

דאס איינציגע „הויז אידען“ ווערט אנגעווענדעט בעת די וואלען פון ריכטער. אומעטום ווערען די אידישע קאנדידאטען דורכגעווארפען און, ווען עס געלינגט ניט די אידישע קאנדידאטור דורכצווארפען, ווי אין נאווארארדאמסק, וואו עס איז אויסגעוועלט געווארען איין אידישער ריכטער, איגנארירט מען אים און מען לאזט אים ניט אריין צו די ריכטער־זיצונגען.

דאס אלץ ווערט אפגעטון מיט דער הסכמה פון דער עסטרייכישער אקופאציע־מאכט.

רומעניען.

די לאגע.

פון ווארשא מעלדעט מען, אז דארט זיינען אנגעקומען ידיעות, אז די רדיפות אויף אידען אין רומעניען זיינען איצט נאך שטארקער געווארען איידער זיי זיינען געוועזען פריהער. שוין א משך פון איניגע יאהרען ווי מען גיט די אידען קיין ברויט ניט ארויס. מען פארווערט זיי באנוצען עלעקטריע א. א. וו. דער אמעריקאנישער מיסיע צו העלפען די אידען האט מען פארגעלעגט ליקווידירען איר טעטיגקייט.

דער אקציאנס־קאמיטעט פון דער אלוועלטליכער ציוניסטישער ארגאניזאציע האט ארויסגעלאזט אנ'אויפרוף מיט פאדערונג צו געבען גלייכבארעכטיגונג די אידען אין רומעניען לויט דעם בערלינער טראקטאט פון 1878. דייטשלאנד און עסטרייך, — ווערט געזאגט אינ'ם אויפרוף, — זיינען מחויב, אלס אנטיילנעמער פון דעם דאמאלדיגען אבמאך, דורכפירען אט דעם פונקט אין לעבען. די גאנצע קולטורירטע וועלט ערווארטעט אט דעם שריט.

דאס קאפענהאגענער ביורא פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע האט ארויסגעגעבען אויף דייטש, ענגליש און פראנצויזיש א בוך: „די אידישע פאליטיק פון דער רומענישער רעגירונג“. אין אט דעם בוך ווערט מיט העלע פארבען געמאלט די שטרעבונג פון דער רומענישער רעגירונג צו פארניכטען אין איר געביטען די גאנצע אידישע באפעלקערונג, און באשריבען די שרעקליכע רדיפות, וואס זיינען געמאכט געווארען אויף די אידען אין דער צייט פון דער איצטיגער מלחמה. אט די אלע ידיעות ווערען באוויזען מיט פראטאקאלען און דאקומענטען.

דער רומענישער מיניסטער איבער אויסערליכע ענינים אריאן האט אין א געשפרעך מיט די זשורנאליסטען באקאנט זיי מיט איניגע פונקטען פון שלום־אפמאך פון רומעניען מיט די צענטראלע מלוכות. וועגען דער פראגע מכח דער לאגע פון די אידען האט ער געזאגט, אז דאס נאטוראליזירען די אידען איז שוין אנגענומען געווארען לויט'ן פרינציפ, וואס עס עקזיסטירט אין פאזען ה. ה. אפשטעלען צוויי קאטעגאריעס אידען, וואס האבען אנטייל גענומען אין דער געוועזענער קאמפאניע און אידען וואס זיינען געבוירען געווארען אין רומעניען פון עלטערן, וועלכע זיינען אויך געבוירען געווארען אין רומעניען. אנדערע דארפען באשטימט ווערען נאך דורך באזונדערע געזעצען.

דער גרויס־ראבינער און דאס אידישע קאנסיסטאריום פון בולגאריען האבען פארגענומען שריט ביי זייער רעגירונג לטובת די אידען אין רומעניען.

די אפיציעלע „עקא דע בולגאריע“ ברענגט די דאזיגע ידיעה און זאגט זיך אויך ארויס פאר געבען גלייכבארעכטיגונג די רומענישע אידען. זי מעלדעט אגב, אז דער פרעמיער־מיניסטער מאנטשעוו האט אין בולגארישען פארלאמענט באלויכטען די אידענפראגע אין רומעניען און ערקלערט, אז זיין רעגירונג וועט זעהען מיטווירקען אז די אידען אין רומעניען זאלען באקומען די אייגענע רעכט ווי זייערע ברידער אין בולגאריען.

דער רומענישער אויסערן־מיניסטער מישו האט בעת זיין רייזע דורך דער שווייץ אויפגענומען אין בערן א דעלעגאציע פונ'ם שווייצארישען קאמיטעט „פרא קאוזא יודאאיקא“ פאר דער אידישער זאך. דער מיניסטער האט זיך ארויסגעזאגט פאר גלייכבארעכטיגונג פון די רומענישע אידען.

די רומענער ערקלערען, אז אינגיכען וועט אין רומעניען און בעסאראביע ניט זיין מער קיין מאלדאוואנער, און אויך קיין שום אנדערע נאציאנאליטעטען, אחוץ רומענער: אלע וועלען ווערען רומענישע בירגער.

אין קישינעוו מאכען די רומענער אסך אביסקען ביי פארשידענע גרופען פון דער אידישער באפעלקערונג, וועלכע האבען געהאט א שייכות צו אלע סאציאליסטישע ארגאניזאציעס און פארטייען.

די אכזריות פון די רומענער בנוגע צו דער אידישער באפעלקערונג איז גאר ניט צו באשרייבען. דעם העכסטען פונקט האבען זיי דערגרייכט אין שטעטל יעדינצי. אחוץ דעם באפעל וועגען „נויגען זיך פאר דער שליאפע פון קאמענדאנט“ האט דער קאמענדאנט פון שטעטעל קאפ. דמיטריו ארויסגעגעבען א באפעל, „אז אלע מוזען זיין אין א יום־טוב'דיגער שטימונג און מיט פרייד באגעגענען דעם פאלקאזניק מארוזי, וועלכער דארף אנקומען“. און אלע האבען זיך „געפרייט“. דמיטריאו האט באפוילען דעם אידישען ליבהאבער־קרייז צו מאכען אין איין שמע־ישראל א ספעקטאקל, אויף וועלכען ער מיט די איבעריגע רומענער האבען פארבראכט מיט פארדעכטליכע פרויען.

ווען צו דמיטריו איז געקומען א דעפוטאציע צו באגריסען אים מיט דער באהעפטונג פון בעסאראביע האט ער גענויט די אנגעזעהענע מענשען פון יעדינצי טאנצען אונטער מוזיק, משמח זיין זיך און „מאכען א פרעהליכע מינע“...

די אידישע דעפוטאציע האט מען געפירט צום שיסען און נאר אדאנק דער מיהע פון עטליכע גוטסבאזיצער (ווען די אידען האבען בשעת די באלשעוויקעס געטון א סך טובות) האט מען איניגע ארויסגעראטעוועט. דריי זיינען אבער שוין אומגעקומען: חנישטיין, ראבינאוויטש און מייבער.

צוליב א קלייניקייט האט מען געגעבען שמיץ צוויי אינגלאך פון 12 און 13 יאהר. און אפילו אויף דער פרוי פ. מאיאליס, וועלכע האט ערשט איבערגעטראגען א שווערען טיפוס, האט מען אויך ניט געהאט קיין רחמנות און זי געשמיסען...

די גרויס אידישע פירמען אין קישינעוו ליקווידירען זייערע געשעפטען און פארען ארויס פון בעסאראביע. פון די שטעטלאך לויפט די אידישע באפעלקערונג מאסענווייז.

דער רומענישער פראפעסער א. סארגילאמאן, ווען ער איז געקומען קיין קישינעוו, האט צו זיך איינגעלאדען דעם ראבינער ל. ס. צירעלסאן און געהאט מיט אים א געשפרעך. דרך־אגב האט ער געמעלדעט, אז די פראגע וועגען גלייכבארעכטיגונג פאר די רומענישע אידען, איז דורך דער רומענישער רעגירונג געלעזט געווארען לטובת די אידען. אינגיכען וועט פארעפענטליכט ווערען א געזעץ, וואס וועט געבען די אידען גלייכבארעכטיגונג.

דער פראפעסער האט זיך אויך פאראינטערעסירט מיט דער לאגע אויף די ערטער און דערוויסענדיג זיך אז דער אידישער מושב זקנים לעבט איבער א שווערען מאמענט, האט ער מנדב געווען פון זיין אייגען געלט 10 טויזענט פראנק לטובת דעם מושב זקנים און האט זיי איבערגעגעבען דעם ראבינער צירעלסאן.

פארשטעהט זיך, אז דער פראפעסער פון דער גילנישער רומעניע איז געקומען ניט אויסטען די טובה פון די אידען: ער וויל אז די אידען זאלען איינשטימען אויף דער גוואלדמאכט, וואס רומעניען איז באגאנגען בנוגע צו בעסאראביע.

די אנעקסיע פון בעסאראביען.

די „רומעניזירונג“ פון בעסאראביען געהט זעהר געשווינד. קיין קישינעוו זיינען אנגעקומען אסך רומענישע טשינאווניקעס פון יאסי און אסך שפיאנען, וועלכע קאנטראלירען יעדען שריט פון די בעסאראבער בירגער. די טאמאזשנע אויף דער גרעניץ צווישען בעסאראביען און רומעניען איז אבגעשאפט און ס'ווערען געמאכט טאמאזשנעס אויף דער גרעניץ צווישען בעסאראביע און חערסאנער און פאדאלער גובערניעס.

די רומענער האבען אין בעסאראביע אבגעטון און טוען אב כסדר שרעקליכע אכזריות'ן. אין טייך דניעסטר האט מען געפונען א סך טויטע קערפער, ביי וועלכע די הענט און די פיס זיינען געבונדען מיט שטריק און דראטען. ס'איז שוין געווארען אין בעסאראביע אַנ'אויסגאנגס־ווארט „פארשיקען פון יענער זייט דניעסטר“ — ה. ה. אריינווארפען אין טייך.

אין קישינעוו איז איינגעפירט געווארען א פאלשטענדיגע צענזור אויף אלע בלעטער און ביכער.

די געזעלשאפטליכע מיינונג אין דייטשלאנד איז זעהר אומצופרידען מיט דער באהעפטונג פון בעסאראביע צו רומעניען, וועלכע איז פארגעקומען אונטער דער דראהונג פון ביקסען. אין דער פרעסע ווערט ארויסגעזאגט די מיינונג, אין די פראגע וועגען בעסאראביע קאן בשום אופן ניט באשלאסען ווערען אהן דער דעה פון אוקראינע, וועלכע איז אויך פאראינטערעסירט אין מיט וועלכער דייטשלאנד וויל האבען גוטע באציהונגען.

צווישען אנדערע פעלקער.

ביי די גרויסרוסען.

צוריק מיט א פאר וואכען איז אין קיעוו געעפענט געווארען דער צייטווייליגער גרויסרוסישער נאציאנאל־ראט. אין נאציאנאל־ראט געהען אריין פארשטעהער פון אלע רוסישע פארטייען, ווי: ס"ר, ס"ד, קאדעטען, פאלק־סאציאליסטען און פארשטעהער פון איניגע ארגאניזאציעס, ווי דער רוסישער „פאראיין אין אוקראינע“, „לערער־פאראיין“ און „אויספארטייאישע גרופע פון רוסישע וועהלער“.

אין נאציאנאל־ראט געהען צווישען אנדערע אריין פאלגענדע אנגעזעהענע פערזאנען: א. ג. ווארובין, ג. ד. פוחטינסקי, ק. א. סוכאוויך, ס. ב. קרופנאוו, א. י. יעלאטשיטש, פראפ. באגאיעווסקי א. א.

ניט לאנג איז אין קיעוו פארגעקומען א פארזאמלונג פון שטודירענדער יוגענט, אויף וועלכער ס'איז אנגענומען געווארען א באשלוס צו פארשפרייטען די רוסישע שפראך און קולטור אין אוקראינע און ארויסלאזען צו דעם צוועק א ספעציעלען אויפרוף.

צווישען דער אוקראינישער מאכט און דער קיעווער שטאט־פארוואלטונג קומען פאר קאנפליקטען איבער דער שפראך, אויף וועלכער ס'ווערט געפירט די געשעפטס־ארדנונג. פאפירען וואס זיינען געשריבען אויף רוסיש ווערען דורך דער

אוקראינישער מאכט אבגעשיקט צוריק. דער גרויסרוסישער מיניסטער ארינעץ האט וועגע, דעם זיך געווענדעט מיט א אנפראגע אין אדמיניסטראטיווען דעפארטאמענט פון הויפט-געריכט.

ביי די ליטווער.

אין קיעוו האט זיך געגרינדעט א ליטווישער נאציאנאל-ראט, וועלכער געפינט זיך אויף טורגענעווסקאיא 8-55.

מאביליזאציע פון די ארמענער.

אין קאווקאז קומט פאר א גרויסע באוועגונג צווישען די ארמענער אויף צו שאפען א נאציאנאלען זעלבסשוץ. אין טיפליס איז געגרינדעט געווארען א „נאציאנאל-ראט“. די תיפס-ראליע פירט אן די פארטיי דאשנאקצוטין. מאסענווייז פארשרייבען זיך די ארמענער אין שוץ-אטריאדען און געבען פרייוויליג געלט-סומען אויף די הוצאות.

די בעסאראבער בולגארען.

אין בעסאראביע וואוינען ביי א 200 טויזענט בולגארען, וועלכע האבען איצט געשיקט קיין סאפיע א דעלעגאציע מיט א פעטיציע, אז די נייע רומענישע מאכט זאל זיי גאראנטירען די פולע רעכט, ווי בויען אייגענע שולען, פאראיינען, ביבליאטעקען, קאאפעראטיווען א. א. וו., די רעכט אויף אויטאנאמער זעלבסטפערוואלטונג און גלייכבארעכטיגונג פון דער בולגארישער שפראך.

מ'הערט אויך געפאדערט, אז מ'זאל איינפירען א נאציאנאלע פאליציי.

די ווייסרוסישע רעגירונג.

די צייטווייליגע ווייסרוסישע רעגירונג אין מינסק האט ארויסגעלאזט אן „אוסטאוו“-גראמאטע (אוניווערסאל), אין וועלכער ווייסרוסלאנד ווערט ערקלערט פאר א פאלק-רעפובליק.

אין דער אוסטאוו-גראמאטע ווערען אויסגערעכענט די גרענעצען פון דער נייער מלוכה און די רעכט און פרייהייטען פון אירע בירגער און פעלקער.

צווישען אנדערע ווערט אין דער גראמאטע אנגעוויזען, אז ביז'ן צונויפרופען די ווייסרוסלענדישע גרינדונגס-פארזאמלונג געהערט די געזעצגעבערישע מאכט אין ווייסרוסלאנד דער ראדע פון ווייסרוסלענדישען צוזאמענפאר, אין וועלכער ס'געהען אריין פארשטעהער פון די נאציאנאלע מינדערהייטען.

דער פונקט 6 פון דער גראמאטע ערקלערט, אז אין די גרעניצען פון דער ווייסרוסלענדישער פאלק-רעפובליק האבען אלע פעלקער דאס רעכט אויף נאציאנאל-פערזענליכע אויטאנאמיען; עס ווערט ערקלערט די גלייכבארעכטיגונג פון אלע שפראכען פון ווייסרוסלאנד'ס פעלקער.

די מלוכה-שפראך פון ווייסרוסלאנד.

דער פאלקס-סעקרעטאריאט פון ווייס-רוסישער פאלק-רעפובליק האט אנגענומען א באשלוס וועגען ערקלערען די ווייס-רוסישע שפראך אלס די מלוכה-שפראך פון דער רעפובליק. די נאציאנאלע מינדערהייטען פון ווייס-רוסלאנד קענען זיך באנוצען מיט זייער שפראך אין זייערע אפיציעלע באציהונגען מיט די רעגירונגס-אנשטאלטען. אלע עקטען, דאקומענטען און קארעספאנדענץ פון די מלוכה-אנשטאלטען דארפען געשריבען ווערען אויף דער מלוכה-שפראך, אויף ווייס-רוסיש.

די ציוניסטישע באוועגונג.

צו טשלענאוו'ס טויט.

דער ענגלישער פראנצויזישער און אמעריקאנישער קאנסולען, וואס געפינען זיך אין קאפענהאגען, האבען אויסגעדריקט דעם ציוניסטישען ביורא אין קאפענהאגען, אין נאמען פון זייערע מלוכות, א מיטגעפיהל צוליב'ן טויט פונם פארזיצענדער פון ציוניסטישער ארגאניזאציע ד"ר יחיאל טשלענאוו.

זאמלונג פאר'ן נאציאנאל-פאנד.

פאר'ן פאריגען יאהר איז צונויפגעזאמעלט געווארען לטובת דעם נאציאנאל-פאנד: אין רוסלאנד: 475,812 רובל, פון עסטרייך 447,962 קראן, אין צפון-אמעריקא 73,502 דאללאר, אין דייטשלאנד 149,368 מארק, אין ענגלאנד – 1,396 פונט סטערל. אין פראנקרייך 6,978 פראנק, אין איטאליע 698 ליר, אין אונגארן 18,526 קראן, אין אפריקא 640 פ. סטערל. אין גריכענלאנד 6,425 פראנק, אין בולגאריע—18,846 ליעת, אין שווייצאריע—11,572 פר. אין בעלגיע 8,329 פר., אין אויסטראליע 82 פ. סטערל. אין קיטאי 20 פ. סטערל. א. אז. וו. סך הכל האט זיך צונויפגעזאמעלט 2,730,000 פר.

א ציוניסטישע בעראטונג אין קראקאו.

אין קראקאו איז פארגעקומען א ציוניסטישע בעראטונג, אויף וועלכע ס'איז באשלאסען געווארען צונויפרופען א פארטיי-קאנפערענץ, וועלכע דארף באהאנדלען אויך די פראגע וועגען איבערקוקען די „געגענווארטס-פראגראם“. די בעראטונג האט באשלאסען צונויפרופען א אידישען קאנגרעס פון גאליציע און בוקאווינא.

טערקישע מעשים.

ביים אפטרעטען פון פאלעסטינע, האט דאס טערקישע מיליטער ארעסטירט און אבגעפירט קיין דמשק דעם פראפ. ב. שאץ, דעם גרינדער פון בצלאל-שול, און די אידישע שריפטשטעלער באראכאו, גראזאווסקי, ליפשיץ און ד"ר שילער.

ציון יפו.

די טעג הייבט אן אין יפו צו ערשיינען א טעגליכע צייטונג.

בצלאל.

פון סטאקהאלם מעלדעט מען דעם „העם“, אז דאנק די ענגלענדער הויבט אן ווייטער צו פונקציאנירען די שול בצלאל אין ירושלים.

א ציוניסטישע בעראטונג אין אדעס.

דעם 24-26 אפריל איז אין אדעס פארגעקומען א ציוניסטישע בעראטונג, אין וועלכער עס האבען אנטייל גענומען פארשטעהער פון אדעס, קיעוו, כארקאוו, יעקאטערינאסלאוו, יעליסאוועטגראד, ניקאלאיעוו, אומאן, ווינניצא און נאך שטעט. די בעראטונג האט זיך באשעפטיגט מיט דער פראגע וועגען צונויפרופען אין דער נאהענטסטער צייט א פארטיי-צוזאמענפאר. גלייכצייטיג מיט דער בעראטונג איז פארגעקומען א קאנפערענץ פון די „צעירי-ציון“ און „החבר“ פון אוקראינע.

רדיפות אויף ציוניסטען.

די צייטונג „נאש וועק“ און אנדערע פעטראגראדער בלעטער טיילען מיט וועגען א באפעהל פון דער עסטרייכישער מאכט צו פארמאכען דאס ציוניסטישע ביורא אין לעמבערג. די צייטונגען טיילען אויך מיט, אז נאך דער ערקלערונג פון גראף טשערנין וועגען די סימפאטיעס פון דער עסטרייכישער רעגירונג צום פאליטישען ציוניזם האט אזא מין פארארדנונג געמאכט זעהר א שווערען איינדרוק אויף די עסטרייכישע אידען בכלל און ציוניסטען בפרט.

געארג בראנדעס און דער ציוניזם.

אויף א באנקעט אין קאפענהאגען האט דער גרויסער קריטיקער געארג בראנדעס געהאלטען א רעדע, אין וועלכער ער האט מיט באגייסטערונג גערעדט וועגען דער שאפונג פון א אידיש-נאציאנאלען און קולטורעלען צענטער אין פאלעסטינע.

בראנדעס האט דערצעהלט, אז מיט 20 יאהר צוריק האט טעאדאר הערצל געפרובט צו פאראינטערעסירען אים פאר'ן ציוניזם, אבער צוליב'ן נישט קענען די לאגע פון די גרויסע אידישע מאסען האט ער באטראכט דעם ציוניסטישען געדאנק אלס ניט גענוג ברייט; איצט אבער באגריסט ער די מעגליכקייט צו שאפען א אידישע נאציאנאלע היים פאר דעם אידישען פאלק מיט גרויס פרייד.

בראנדעס ערקלערט ווייטער, אז ער באטראכט די ענגלישע דעקלאראציע אלס איינע פון די געצעהלטע ליכט-פונקטען פון דעם היינטיגען קריג און אז ער צווייפעלט נישט, אז דאס אידישע פאלק, ווען עס וועט לעבען זעלבסטשטענדיג אין זיין אייגענער היים, וועט זיך ווידער אנטוויקלען צו א קולטור-מאכט.

פאליטישער פאנד.

ניט קוקענדיג אויף די חורבנות, וואס די באלשעוויסטישע הערשאפט האט אנגעמאכט אין גאנץ רוסלאנד, געהען די זאמלונגען פאר'ן פאליטישען פאנד פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע זעהר גוט. דער ספעציעלער פינאנץ-צענטער אין מאסקווע מיט ח' ניידיטש בראש האט פאנאנדערגעשיקט איבער אלע שטעט צירקולארען און האט פארארדנעט, אז בעת דער פאלעסטינא-וואך זאלען געמאכט ווערען זאמלונגען, ווייל די ציוניסטישע דעלעגאציע, וואס פארט קיין ארץ-ישראל נויטיגט זיך אין גרויסע מיטלען, כדי אויפצובויען דעם ישוב.

דער גריכישער קעניג און דער ציוניזם.

בשעת זיין באזוך אין סאלאניקי, האט דער גריכישער קעניג אלעקסאנדער געהאט א געשפרעך מיט א פארשטעהער פון דער ארגאניזאציע „פרח איזראעל“ (זאר ישראל), אין וועלכער דער קעניג האט ארויסגעזאגט זיין טיפע סימפאטיע דער ציוניסטישער באוועגונג און ערקלערט, אז ער וואלט מיט פרייד באגריסט דאס גרינדען אין פאלעסטינע א נאציאנאל-היים פאר די אידען.

די גריכישע רעגירונג און פאלעסטינע.

פון סטאקהאלם מעלדעט מען, אז אין גריכישען פארלאמענט האט דער ציוניסטישער דעפוטאט קאפפינאס ערקלערט דעם וואונש, אז גריכענלאנד דארף שטיצען די שאפונג פון א אידישער מלוכה אין פאלעסטינע. דארויף האט דער אויסערן מיניסטער פאליטיס ערקלערט, אז די גריכישע רעגירונג וועט טון אלץ וואס מעגליך, כדי צוזאמען מיט אירע פארבינדעטע דערגרייכען ארץ-ישראל פאר די אידען.

די איטאליענישע פרעסע וועגען ציוניזם.

די איטאליענישע פרעסע באשעפטיגט זיך די לעצטע צייט מיט'ן ציוניזם און ווידמעט זעהר אסך ארטיקלען דער פראגע. אזוינע ארטיקלען זיינען געווען אין דער „טריבונע“, „אידעא דעמאקראטיקא“ „זשורנאל ד'איטאליא“ און אסך אנדערע.

אברהם-יעקב סלוצקי.

אין נאווגראד-סעווערסק (טשערניגאווער גוב.) איז טראגיש אומגעקומען דער אידישער שריפטשטעלער אברהם-יעקב סלוצקי.

אברהם-יעקב סלוצקי איז געווען א אנגעזעהענער ציוניסטישער כלל-טוער און איבערגעלאזט אסך קריטישע און פּובליציסטישע מאמרים אין פארשידענע העברעאישע אויסגאבען.

ציוניזם און די צענטראלע מלוכות.

אויף אזא טעמא האט דער ווינער פּראפעסאר באללאר געלייענט לויט דער איינלאדונג פון דער אידישער סטודענטשאפט אין עסטרייך א פארלעזונג וועגען דער פארווירקליכונג פונ'ם ציוניסטישען אידעאל.

אנווייזענדיג פון איין זייט, אז די רוסישע רעוואלוציאן האט די אידען-פראגע אין רוסלאנד נישט אינגאנצען פארענטפערט, ווי שווער איז אויך די לאגע פון אידען אין אנדערע לענדער, און פון דער אנדערער זייט איז פּאלעסטינע מסוגל אריינצונעמען אין זיך עטליכע מיליאן מענשען, האט פּראפעסאר באללאר אנטוויקעלט דעם געדאנק אז אין דער אויפלעבונג און אנטוויקלונג פון ארץ-ישראל זיינען שטארק פאראינטערעסירט די צענטראלע מלוכות, ווייל טערקיי איז זיי שולדיג 6=8 מיליארד און מיט איהרע אייגענע קרעפטען וועט זי נים זיין אימשטאנד אויסצוצאלען די חובות. טערקיי וועט מוזען עפענען פּאלעסטינע פאר א גרויסען שטראם פון נייע קולטורעלע קאלאניסטען און די צענטראלע מלוכ'ה וועלען די איינוואנדערונג שטיצען.

פּראפעסאר באללאר האט אויך אנגעוויזען אויף דעם עטישען כאראקטער פון דער אידישער אויפלעבונג, וועלכע דארף ברענגען פרידען און רוהע פאר דער גאנצער מענשהייט.

„ווען איך, אלס ניט איד, - האט ערקלערט פּראפ. באללאר, - אינטערעסיר מיך אזוי שטארק מיט'ן ציוניזם איז דאס דערפאר ווייל איך ווי אסך אנדערע ניט-אידען גלויב אין אט דעם אידעאליסטישען כאראקטער פון דער ציוניסטישען באוועגונג.

ארץ ישראל.

איינע פון די ערשטע ארבעטען, וואס די ירושלים'ער אידען האבען פארגענומען ביי דער נייער לאגע, איז די פאראייניגונג פון דער גאנצער אידישער באפעלקערונג, וועלכע איז ביז אהער געווען צושפּאלטען אויף עטליכע קהלות. אצינד איז געבילדעט געווארען א פארבאראטונגס-קאמיטעט פון 16 מיטגלידער, וועלכער וועט צוגרייטען די וואהלען צו דער נייער איי הײמליכער אידישער קהלה אין ירושלים. דער נייער קהלה ראט (ועד העדה) וועט באשטעהען פון 43 מיטגלידער: 17 פארטרעטער פונ'ם אלטען ישוב (8 פון ספרדים און 9 פון אשכנזים), 17 פארטרעטער פונ'ם נייעם ישוב (5 פארטרעטער פון סוחרים, 4 פון בעלי-מלאכות און ארבעטער, 4 פון מלמדים און 4 פון לעהרער, אנגעשטעלטע און דאקטוירים) און 9 מיטגלידער, וואס וועלען אויסגעקליבען פון אלע צוזאמען.

קיין פּאלעסטינע איז שוין ארויסגעפארען א ספעציעלע ציוניסטישע קאמיסיע אונטער דער אנפירונג פון ד"ר ווייצמאן, אין וועלכער ס'נעמען אנטייל די אמעריקאנער ציוניסטען ד"ר שטעפאן ווייז, לעווין-עפשטיין, פראטעגסאן און ווארטסמאן, ווי אויך דער דירעקטאר פון אנגלא-פּאלעסטינע באנק לעוואנטין און דער אגראנאם עטינגער.

דער ספעציעלער קאמיטעט פארן ארץ-ישראל-פאנד, וואס געפונט זיך אין קאירא איז לעצטענס פארגרעסערט געווארען מיט אסך נייע מיטגלידער, ווי ד"ר מאָן, גלוסקין, יאפע, מאיראוויטש א. א., ער פירט אן איצט אן ענערגישע טעטיגקייט.

פון לאנדאן איז מען מודיע, אז דער דעפּוטאטען-ראט פון די ענגלישע אידען האט אנגענומען א באשלוס און באשטעטיגט א באשטימטען פלאן וועגען שאפען א אידישען צענטר אין ארץ-ישראל, ווי אויך דערצו אסיגנירט גרויסע געלט-סומען.

ס'איז אינטערעסאנט, אז ערשט פאראיאָרען איז די אייגענע ארגאניזאציע געווען נאך געגען דעם פּאליטישען ציוניזם.

דער רוסלענדישער צענטראל-קאמיטעט פון „פּועלי-ציון" האט אנגענומען א באשלוס וועגען דעם, אז מען זאל תיכף גרינדען ביי דער פּאלעסטינע-קאמיסיע א פּאלעסטינע-ארבייטס ביורא, וואס זאל האבען דעם צוועק מיטצוהעלפען דער רעגולירונג פון דער אידישער ארבייטער-איינוואנדערונג קיין פּאלעסטינע.

פון ירושלים איז מען מודיע, אז די אדמיניסטראטיווע מאכט פון דער שטאט איז דורך די ענגלענדער איבערגעגעבען געווארען א ספעציעלער קאמיטעט פון 6 מענשען: 2 אידען, 2 קריסטען און 2 מוסולמענער.

אין פּעטראגראד איז פארגעקומען די גרינדונג-פארזאמלונג פון דער עקאנאמישער געזעלשאפט צו אויפלעבען פּאלעסטינע. ס'איז אויסגעקליבען געווארען א קאמיטעט, אין וועלכען ס'געהען אריין קריינין, גאלדבערג, אלייניקאוו, ברוצקים און אנדערע.

ווי ס'זעהט אויס פון לארד-דזשארדזש'ס לעצטע ערקלערונגען וועט ענגלאנד מסתמא ניט נעמען פּאלעסטינע אונטער איהר פּראטעקטאראט, נאר ארץ-ישראל וועט פארבלייבען אפיציעל אין דעם רשות פון טערקיי, נאר אונטער א אינטערנאציאנאלען קאנטראל און מיט א ארטיגער זעלבסטפארוואלטונג טערקיי וועט אין דעם פאל אלזא נאר האבען א געוויסע דעה ביים באשליסען די פּאלעסטינע-פראגע אויפ'ן שלום-קאנגרעס.

פראנקרייך האט איר אינטערעס צו ארץ-ישראל ארויסגעוויזען לעצטענס דורך שיקען פראנצויזישע קריגס-שיפען און באשטימען א ספעציעלען קאמיסאר פאר פּאלעסטינע-ענינים.

ווי מען מעלדעט, האט דער באראן ראטשילד זיך געווענדעט צום געוועזענעם איטאליענישען פּרעמיער-מיניסטר לוצאטי מיט א פראגע וועגען זיין באציהונג צום גרינדען א אידישען צענטר אין ארץ-ישראל?

לוצאטי האט אויסגעדריקט זיין צופרידענהייט מיט'ן פלאן און האט אנגעוויזען, אז לויט זיין מיינונג וועלען אייך די צענטראלע מלוכות ניט שטערען די אויפלעבונג פון ארץ-ישראל.

ליטעראַרישע נייעס.

ס'איז ארויס פון דרוק „דאס לעבען פון מענדעלע מוכר ספרים" פון ז. רייזען. דאס ווערקעל איז געשריבען ספעציעל פאר קינדער און ענטהאלט א גאנץ אויספירליכע ביאגראפיע פונ'ם גרויסען אידישען שריפטשטעלער, צוזאמענגעשטעלט אויפ'ן גרונד פון זיינע אויטאביאגראפישע שריפטען, פון בינשטאקס, ראווניצקיס שריפט-ערינערונגען און בן-עמים ארטיקלען און פון אנדערע קוועלען. דאס ביכעלע איז ארויסגעגעבען פון דער ווילנער חברה פאר קינדערפארזארגונג און קאסט 50 פעניג.

* * *

אין ווארשע איז ערשינען דאס צווייטע העפט פון די „אידישע זאמעלביכער", וואס דער באקאנטער אידישער שרייבער א. ב. ווייסענבערג גיט ארויס. עס זיינען דארט געדרוקט א ליד פון ראזא יאקיבאוויטש; די באגעגניש (ערציילונג) פון פ. ביסטא; דער טויט פון עדי הגדין (קריגס-פאעמען) פון מ. י. שאמאן; א לעגענדע פון י. פערלע, פון דעם קריג, פון אהרן צייטלין; עלעגיעס פון ש. י. לאדינסקי; דער פרילינג (ליד) פון י. קאמינקאווסקי; דער טעטש (פּאעמע) פון ב. מינקים; בריוו פון א אינטעליגענט; קינסט אויפ'ן מארק (נאטיצען) פון י. טענענבוים; איבער קונסט פון ד"ר י. ב. צפור; אונזערע גרויסע מייסטער ביים לעבען און נאכ'ן טויט פון א. ט. ווייסענבערג; וועגן אונז און אונזערע שוישפּילער פון ס. וו.; דאקומענטען פון קונסטליבהאבער און ביבליאגראפישע נאטיצען.

* * *

„די געזעלשאפט צו פארשען די וויסענשאפט פון אידענטום" אין דייטשלאנד גיט ארויס א גערמאניא יודאיקא, פון וועלכער ס'איז ניט לאנג ערשינען דער ערשטער טייל מיט דער געשיכטע פון אידען אין עלזאס-לאטאריגען אנהויבענדיג פון די נאר אלטע צייטען.

* * *

אין פראנקפורט איז ערשינען (פארלאג פון א. האפמאן) א ווערק פון ד"ר וו. האפמאן וועגען דער „מעדיצין ביי אידען לויט דער פארשטעלונג פון אנטאן גערמאן פאן אלבריך, וועגן דעם ווערט פון דער אידישער הייל-קונסט אין דער געלערטען-וועלט פון 18-טען יאהרהונדערט".

* * *

אין לעמבערג איז ארויס א ניי העברעאיש לערנבוך „לשוננו" (אונזער שפּראך) די מחברים זיינען: ס. טענענבלאט און נ. ווינגעל.

* * *

דער ניו-יארקער פארלאג „אינזעל" האט אנגעהויבען ארויסגעבען פעריאדישע ליטעראַרישע זאמעלביכער אונטערן נאמען „דער אינזעל".

אינ'ם זעלבען פארלאג זיינען ארויס אין דריי בענדער די לידער פונ'ם יונגען אידישען דיכטער מאני לייב.

די „קראפּאטקין - ליטעראטור - געזעלשאפט" אין ניו-יארק האט ארויסגעגעבען אין א פוילער אידישער איבערזעצונג דעם ערשטען באנד פון קארל מארקס „קאפּיטאל".

* * *

אין ראוונע ערשיינט א 2-וועכענטליכער זשורנאל „קדימה" אונטער דער רעדאקציע פון ראיאָנער קאמיטעט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע „הסתדרות".

* * *

אין ווארשע זיינען אין פארלאג „אידיש" ארויס א באנד פון זכרונות און ארטיקלען פון וו. מעדעם מיט'ן בילד און דער ביאגראפיע פון מחבר און א באנד פון אלגין „ווייסען קלינגען".

* * *

אין ווארשעווער פארלאג „ליכטענספראנגען" איז ארויס א בראשור „צוויי קאנפערענצען", די רעזאלוציעס פון דער בונדישער קאנפערענץ אין רוסלאנד (אפריל 1917) און פון דער קאנפערענץ פון די בונדישע ארגאניזאציעס אין פוילען.

* * *

אין פארלאג פון דער פעטראגראדער פאלק-געזעלשאפט איז שוין ערשינען דער שלום-עליכם-זאמעלבוך מיט א רייכען אינהאלט אין צוויי אויסגאבען צו 6 און 12 רובל (אילוסטרירט).

אין פארלאג „אידיש" זיינען ערשינען: זשאן זשאק רוסא קאנפעסיאן (ה"ב); טאלסטאי די געשיכטע פון מיין קינדהייט; מארק טווען געוועהנליכע ערצעהלונגען; גי דע מאפאסאן - שטארקער פון טויט; דזשעק לאנדאן - די שטימע פון בלוט; ש. סטופּניצקי - בריוו שפּינאזא; א. סטרינדבערג - די פּריה; כינא - ן-טער באנד פון דער סעריע „לענדער און

פעלקער'ן אלנין—ווען קיינן קלינגען, טויזענט און איין נאכט וו. מעדעס—זכרונות און ארטיקלען, געארג בראנדעס --די שטרעמונגען אין דער ליטעראטור פון 19 יארהונדערט.

אינגיכען ווייב: אין ארויסגעהען „זאמעלביכער געווידמעט דער שענער ליטעראטור, קריטיק און פובליציסטיק" אונטער דער קאלעגיאלער רעדאקציע פון דוד קאסעל, יואל מאסטבוים, ב. קארלינויאט און פ. בראאובארד.

לעצטע ידיעות.

— אויף דער לעצטער זיצונג פון דער קלײַנער ראדע, וועלכע איז פארגעקומען מאנטאג אװענד, איז אײַנשטימיג אנגענומען געװאָרען די קאנסטיטוציע פון דער אוקראינישער פאלקס-רעפובליק. די קאנסטיטוציע גאראנטירט די רעכט פון די מינדערהײַטען און אײַנער פון אירע פרקים ענטהאלט די גרונד-יסודות פון נאציאנאל-פערסאנאלער אויטאנאמיע.

— ווי מען גיט איבער, איז אויף דעם צוזאמענפאר פון די „כלעבאראבען" ניט געווען קיין אידען. דער אײַנציגער איד, וואס האט פארטראטען די אינטערעסען פון דעם פארבאנד פון ערד-באזיצער איז געווען ה' בראדסקי. ניט קוקענדיג דערויף ציר־קולירען שוין קלאנגען, אז די ראדע איז צוטריבען געװאָרען דורך די אידען, וואס האבען ארויפגעזעצט א העטמאן...

— לויט די לעצטע ידיעות ווערט דער נײַער מיניסטער־קאבינעט באשטעהען דערהויפט פון אקטיאבריסטען און קאדעטען מיט'ן ה' וואסילענקא בראש. צווישען די אנגערופענע קאנדידאטען געפינען מיר אויך א אידישען נאמען—דעם אדעסער אדוואקאט גוטניק, וועלכער איז ניט לאנג באשטימט געװאָרען אלס א פארזיצענדער פונ'ם מליכה'שען גרוים-בוירא. צי עס וועט באשטימט ווערען א מיניסטער פאר אידישע ענינים איז ניט באקאנט.

—אין צוזאמענהאנג מיט די לעצטע געשעהענישען, וועלכע האבען געבראכט אין סכנה די אידישע אויטאנאמיע, וועלען צווישען די אידישע פאליטישע פארטייען געפירט אונטערהאנדלונגען וועגען דעם, אז מען זאל רעקאנסטרואירען דעם נאציאנאל-ראט לויט די פאדערונגען פון די ציוניסטען. דער נאציאנאל-ראט זאל באשטעהען פון אלע אידישע פארטייען (בונד, פאראײַניגטע, פועלי-ציון, פאלקספארטײַ, ציוניסטען און אחדות-ישראל) אין א צאל לויט די רעזולטאטען פון די וואהלען צום אידישען צוזאמענפאר און אין די קהלות.

—ווי מען גיט אונז איבער, וועט דער צוזאמענפאר פון די אידישע קהלות אויף אוקראינע פארקומען אין אנהייב יוני.

— וועגען דעם שרעקליכען פאגראם, וואס איז פארגעקומען דעם 17 און 18 אפריל אין קראקוי, האבען מיר ערהאלטען פאלגענדע פרטים.

דער דערהרגעטער 50-יעריגער איד, וואס איז ערשט פון מיליטערדינסט געקומען, איז פתחיה מאללער פון סמרי. מ'האט אים פונ'ם פראם ארויסגעשלעפט און אויפ'ן ארט דערהרגעט. אין פאגראם האבען זיך באטייליגט דער עיקר מינדעריעריגע אינגלאך, וועלכע האבען זיך אריינגעריסען אין די אידישע קלייטען און אלץ צעבראכען. די חוליגאנעס באוויזען מיט „גדלות" די אנגערויבטע זאכען; די פאליציי זעהט אלץ צו און טוט גארניט.

דעם 18-טען אפריל זיינען פארגעקומען גרויסע אומרוהען אויף דער קארמעליטקא. לפנים זיינען אנגעקומען א פאר סאלדאטען מיט א פאליציי-קאמיסאר; ווי נאר אבער זיי זײַנען אוועקגעגאנגען דריי טריט האבען די חוליגאנעס ווידער אנגעהויבען צו ראבעווען.

—אין אלט-סאנדעק (גאליציען) זײַנען דעם 7-טען אפריל, אינ'ם טאג פון סאנדעקער רבינ'ס יאָרצײַט וועגען עס קומען אן א סך חסידים אויפ'ן רבינ'ס קבר, סאלדאט ען באפאלען די חסידים, געשלאגען זיי און בארויבט אלע זאכען אין קליידער.

— פון פאלעסטינע קומען אן ידיעות, אז די גוים אין די שטעט און דערפער איז אסך קלענער געווארען און סיווערט אנטוויקעלט א ענערגישע געזעלשאפטליכע טעטיגקייט, בײַ די לעצטע געזעלשאפטליכע ארבייטען, ווי טבראסען פאררינכטען אין אנדערע האט די באפעלקערונג אסך פארדינט און פארבעסערט דעם עקאנאמישען מצב.

— דער באוואוסטער אס מילאטאר עדוארד גאמאנזאן האט איצט געשמדט זיינע פינף קינדער. איינינע אידישע ראטמענער האבען אים אנגעוויזען, אז ער דארף זיך צוליב דעם אבזאגען פון זיין מאנדאט אלס ראטמאן. אלס ענטפער דארויף האט גאמאנזאן אנגעגעבען א מעלדונג אין דער „קאלא נאראדאווע" (די פאראײַניגונג פון די פוילישע פראקציעס), אין וועלכער ער טיילט מיט וועגען אט דעם פאקט און ערקלערט, אז ער באטראכט אזא שריט אלס אנ'ארויסטריט געגען דער געוויסענס-פרײַהייט און אלס א באליידיגונג פאר דער קאטוילישער רעליגיאן.

רעדאקטאר מ. גראסמאן.

ארויסגעבער י. בדנאוי.

הפרקציה הציונית „עם ציון"
מביעה את צערה ברבים כי נהרג בנאווגראד-סעווערסק
הציוני הידוע הסופר העברי
אברהם יעקב סלוצקי ז"ל

אגודת „המזרחיים"
מודיעה ברבים ע"ד האסון הגדול שקרה להסתדרות המזרחיים שנהרג
על קדוש השם אחד ממיסדי „המזרחיים" הסופר הידוע
ר' אברהם יעקב סלוצקי ז"ל.

עס איז ארויס פון דרוק
א נײַ ביכל
פון **טונקעלען**

„אידישיסטען"
א קאמישער מאנאלאג פון א אידען

— פרייז פאר איין עקזעמפליאר אהן פארטא 50 קאפ. —
באשטעלונגען ווערען ארויסגעשיקט נאר ביים באקומען דאס באטרעף.
אדרעס: בוכהאנדלונג מ. ח. גאלדפיין **Кіевъ, Б.-Васильковская 43.**

די דרוקעריי „התחיה"
Кіев, Б.-Васильковская 72.—Телеф. 65-24.
נעמט אן באשטעלונגען אויף פארשידענע דריק-
ארבייטען אין
העברעאיש, אידיש און רוסיש.

די דרוקעריי „התחיה" איז די גרעסטע אין אוקראינא און פארמאגט דעם רייכסטען אויסוואהל פון אידישע און רוסישע שריפטען.

באשטעלונגען ווערען אויסגעפירט ביליג און צו מעסיגע פרייזען.

דרוקעריי „התחיה" קיעוו, גרויס-וואסילקאווסקאיא 72.

אויף דער וואַך

ארגאַן פון ציוניסטישען געדאַנק

פרייז 70 קאָפּ.

דער פרייז פאַר מודעות:

אַ פּעטיט - שורה — 75 קאָפּ.

די רעדאַקציע איז אָפען פון 11 ביז 1.

ערשיינט

וועכענטליך.

№ 5.

„ДЕРЪ ТЕЛЕГРАФЪ"

„ОЙФЪ ДЕРЪ ВАХЪ"

КIЕВЪ,

Б.-Васильковская 72.

פרייטאָג, 24 מאַי 1918 קיעוו. י"ג סיון, התרע"ח.

אינהאַלט: מ. גראָסמאַן: דער ס'ף און דער אָנהויב; מ. הינדעס: די אידישע רעוואָלוציע; י. שאָכטמאַן: ציוניזם — דער באַפרייער; ב. נאָטעסמאַן: פּערסאָנאַלער פּאַרלאַמענטאַריזם; מ. זינגער: צײַט פראַגען.

דער קריזיס פון דער אידישער אויטאָנאָמיע; אין אידישען נאַציאָנאַל-ראַט; דאָס אידישע לעבען אויף אוקראַינע; אין דער קיעווער קהלה; אין דער אידישער וועלט; די ציוניסטישע באַוועגונג; ארץ ישראל; לעצטע נײַעס.

דער סוף און דער אָנהויב.

קיעוו, 22־סטען מאַי.

עס האָט פריהער געמוזט פאָרקומען אַ שווערע פּאָליטישע קאַטאַסטראָפע — אַ איבערקערעניש מיט רעסטאַווראַציאָנס-טענדענצען; די אידישע אַוטאָנאָמיע און אירע אַנשטאַלטען האָבען באַדאַרפט איבערלעבען אַ טראַגישען קריזיס און בלײַבען בפועל ממש הענגען אין לופטען — ביז די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטײַען האָבען אײַנגעזעהען, אַז זײער ביזאיצטיגע פּאָליטיק איז געווען גרונד-פאַלש און האָט בלויז געשאַפען אַרום די נאַציאָנאַלע אָרגאַנען אַן אַטמאָספערע פון קאַלטקײַט און פײַנדליכקײַט. די, וואָס האָבען זיך אין משך פון פערצען חדשים אָריענטירט בלויז אויף דער אויסערער מאַכט, אויף איר פיזישען כח, האָבען זיך אויך דאָס מאָל, ווען די מלוכה איז פאַרחאַפּט געוואָרען פון נעגענגעזעצליכע עלעמענטען, אָריענטירט זיך ווידער אויף דער ראָזינער נײַער מאַכט, אמת, אין דער היפּוך'דיגער ריכטונג.

דערפילענדיג, אַז אָהן דער שטיצע פון דרויסען בלײַבען זײ אינ'ם אידישען פאָלק גאַנץ הילפלאָז און מאַכטלאָז, האָבען זײ נאָכגעגעבען יענע פּאָזיציעס, וועלכע זײ האָבען ביז דער לעצטער צײַט באַטראַכט אַלס דעם העכסטען אמת פון סאָציאַליסטיש-רעוואָלוציאָנערען יושר. בײַ דעם ערשטען צוזאַמענשטויס מיט דער ווירקליכקײַט האָבען די אידישע סאָציאַליסטען דערפילט, אַז זײ פאַרנעמען אינ'ם אידישען לעבען בלויז אַ קלײן אָרט, און האָבען קאַפּיטולירט פאַר דער פּרינציפּיעלער אויסגעהאַלטענער פּאָזיציע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט תמיד, סײַ אין די צײַטען פון דער ראַדע, סײַ פונ'ם באָלשעוויזם און סײַ נאָך דעם באָלשעוויזם, געפאָדערט אַן אָריענטאַציע אויפ'ן אידישען פאָלק אין די צוזאַמענשטעלונג פון די אָרגאַנען פון דער אידישער אַוטאָנאָמיע לויט אַלגעמײנע אָביעקטיווע סמנים, לויט דער אמת'ער כח-פאַרהעלטעניש אין פאָלק, און ניט לויט דער קאַפּריזנער אידעע-פיקס מכח אַ פאַרפּאַנצערטער סאָציאַליסטישער מערהײַט.

אין דעם מאָמענט, ווען די ערשט נעכטען אַלמעכטיגע הערשער האָבען פאַרשטאַנען, אַז זײ מוזען זיך ווענדען נאָך שטיצע צו די אידישע מאַסען, דאָרטען זוכען הילף און תמיכה, — זײַנען זײ אַראָב פון זײער אָלימפּ און געמוזט צוגעבען, אַז די פריהערדיגע צוזאַמענשטעלונג פון דעם נאַציאָנאַל-ראַט איז געווען ניט קײן ריכטיגע און ניט

קיין באַרעכטיגטע. און זאָלען זיי איצט נישט פאַרזוכען צו פאַרדעקען זייער קאַפּיטוליאַציע מיט אַ פראַזען־מאַנטעל פון סאָציאַליסטישע מאָטיווירע, וואָס מוזען, נעבעך, אַבגעבען זייערע פּאָזיציעס דער קומענדער טריומפירענדער בורזשואַזיע, וואָס רוקט זיך אָן צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער רעאַקציע און וויל כלומרשט פאַרהאַפּען די מאַכט. קיינער האָט דעם נאַציאָנאַל־ראַט נישט אינגעירט, קיינער האָט אים נישט געצוואונגען צו ענדערען זיין באַשטאַנד, קיין שום אויסערע מאַכט האָט אים נישט געדראָהט מיט צוטרייבען, נאָר ער אַליין, פאַריוסוועהענדיג זיין מאַכטלאָזיגקייט און אַ לאַנגזאַמע שטילע גסיסה, האָט געמוזט אָנערקענען, אַז כדי באַמת אַבצוהיטען די אויטאָנאָמיע דאַרף מען צוציהען די איבעריגע גרופּען אין אַ צאָל, װאָס אויסשפּרעכט מער אָדער װייניגער זייער שטאַרקייט און איינפלוס אויף דער אידישער גאַס.

פאַר אונז, ציוניסטען, איז געוועזען וויכטיג, אַז עס זאָל קודם כל אָנערקענט ווערען דער הויפּט־פּרינציפּ, פאַר וועלכען מיר האָבען אַזוי לאַנג געקעמפט, די פּרטים און צאָלען זיינען געשטאַנען אויף דער צווייטער ליניע, ווייל מיר האָבען איינגעזעהען, אַז אין דער קריטישער צייט, ווען אַלץ האַלט ביי חרוב ווערען, מוז מען געהען אויף געגענזייטיגע הנחות און באַמיהען זיך געוויינטער און נאַטירליכער מאַכען די מלחמה, וואָס שפּילט זיך אָב אינ'ם אידישען לעבען. און מיר זיינען איינגעגאַנגען אויף רעקאָנסטרוקציע באַדינגונגען, וועלכע געבען לכל הפּחות די מעגליכקייט צו איבערטען צוזאַמען, ניט מאַיאָריזירענדיג איינע די אַנדערע, נאָר צוזאַמען אַלע צדדים צו אַן אויסגלייך דורך דער פאַרטהיילונג פון די פּלעצער אינ'ם נאַציאָנאַל־ראַט אויף יסוד פון גלייכגעוויכט.

איבער די „פּראַגאַנגען", וואָס האָבען בשום אופן ניט געקאָנט [illegible] זיך מיט דער [illegible] פאָרם פון [illegible] — אַלע [illegible] יענע אינסטיטוציען [illegible] האָבען ליב צו דעמאָנסטרירען אַלס [illegible] — האָבען זיך אַלע איבעריגע פאַרטייען [illegible] מיט דער ערנסטקייט פון דער פּאָליטישער לאַגע אין [illegible] — [illegible] מיט אַ [illegible] נאָך אַ [illegible] פאַר־ [illegible] צו לאַזען פאַר [illegible] — איינגעזאַמעלט אויף דעם [illegible] פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער גערעכטער געדאַנק פאַר וועלכען מיר האָבען אַזוי לאַנג געקעמפט, האָט אויף אַזאַ אופן, ענדליך, מנצח געווען, נאָר, [illegible] ערשט דאַן, ווען דער מצב איז געוואָרען מסוכּנדיג ביז נאָך, ווען דער מלאך המות האָט שוין געשוועבט איבער דעם פאַרלאָזענעם אידישען סיניס־מעריום. ווי שטענדיג, איז מען צוליב די אונבאַרעכטיגטע פּרעטענזיעס פון דער סאָציאַליסטישער מינדערהייט געקומען צום אויסגלייך שפּעט, כמעט ערב דער גסיסה.

דער אַלטער נאַציאָנאַל־ראַט, וואָס האָט אָפט דערמאָנט אָן אַ היימישען קלייזעל אָדער אַ האַרציגער פאַמיליע, ווי אַלץ ווערט אַבגעטאָן בשתיקה, איז געשטאָרבען און זיין אָרט האָט פאַרנומען דער רעקאָנסטרואירטער נאַציאָנאַל־ראַט, אין וועלכען עס זיינען אַריינגעטראָטען די ציוניסטישע פראַקציע און די אחדות ישראל. אַ נייעם געשטאַלט האָט באַקומען די דאָזיגע אינסטיטוציע. אמת, איך איצט איז זי נאָך זייער ווייט צו זיין דער שפּיגעל פון דעם אידישען פאָלק, דאָך אויסשפּרעכט דער נייער נאַציאָנאַל־ראַט מער אָדער ווייניגער די כחות־פאַרהעלטענישען אינ'ם אידישען פאָלק, לכל הפחות זיינען אין אים איצט פאַרטראָטען די פאַרשטעהער פון דער גרעסטער טייל פון דער אידישער נאַציע אויף אוקראַינע. ער האָט באַקומען אַ נייעס געשטאַלט — אַ כאַראַקטעריסטישען פּנים, וואָס איז ניט אַ מאַסקע, ווי פריהער, נאָר אַ לעבעדיג געזיכט מיט אַלע סימנים און שטריכען פון זיין אייגענאַרטיגקייט.

מיט דעם טויט פונ'ם אַלטען נאַציאָנאַל־ראַט האָט זיך פאַרענדיגט יענע טרויעריגע קאַפּיטעל אין אונזער פּאָליטישען לעבען, וועלכער איז אפשר רייך אין דרייסטע און גוטגעמיינטע עקספּערימענטען, אָבער גלייכצייטיג פּאַראַליזירט דורך איינזייטיגקייט, פאַלסיפיקאַציע און אוזורפּאַציע מצד אַ קליינער מינדערהייט. עס ענדיגט זיך די עפּאָכע פון אַ מינדערהייט בעלי־בתיזם, אין נאָמען פון פאָלק, וועלכען מען האָט באַפוילען געזעצען און לעבענס־פאָרמען, ניט רעכענענדיג זיך מיט זיינע אנשויאונגען און סימפּאַטיען; יענע עפּאָכע, ווען מען האָט ניט געגעבען די מעגליכקייט צו עקזיסטירען אידישע גימנאַזיעס מיט העברעאיש אַלס לימוד־שפּראַך, יענע עפּאָכע, ווען [illegible] האָט [illegible] שטריט־פּראַ [illegible] [illegible] באַשטימט [illegible] [illegible] [illegible] [illegible].

קיינער וועט געוויס ניט פאַרגעסען [illegible] אָבער דעם טויט פון אַ אינסטיטוציע, וואָס איז [illegible] [illegible] אין [illegible] פון די [illegible] דער אַלטער נאַציאָנאַל־ראַט איז געשטאָרבען ניט [illegible] און [illegible] אַ [illegible] אָדער־

טעמיצער האָט אים געוואָלט צוטרייבען, נאָר ווייל עס איז געפאַלען די מלוכה־מאַכט פון די אוקראַאינישע סאָציאַל־שאָוויניסטען, וואָס האָבען צוליב געוויסע טעמים געשטיצט די אידישע באָלשעוויקעס ווי זיי האָבען מיט אַ צייט פריהער געשטיצט די רוסישע באָלשעוויקעס.

די רעקאָנסטרוקציע פונ'ם נאַציאָנאַל־ראַט איז דער אָנהויב פון אַ נייער פּאָליטיק, פון אַ נאַציאָנאַלער ריכטונג, וועלכע מיר האָבען געפאָדערט אָן אַ משך פון אַ יאָהר. עס באַווייזט די זאַמלונג פון די נאַציאָנאַלע קרעפטען אין אַ עת צרה, עס רעדענען [illegible] אַלע די אַנדערע [illegible] גרופּען און פאַר־ [illegible], וועלכע האָבען מער די 14 חדשים נאָכאַנאַנד געפירט אַ פאַרביטערטען קאַמף, וואָס האָט בלי שום ספק געבראַכט אונז אַלעמען אַ סך שאָדען. איצט, אין משך פון דער קורצער צייט, וואָס דעם רעקאָנסטרואירטען נאַציאָנאַל־ראַט איז באַשערט צו אַרבייטען, וועט ער האָבען צו טון דערהויפּט מיט פּראַקטישע און טעכנישע אויפגאַבען, וואָס זיינען אַ פּועל־יוצא פונ'ם אַלגעמיינעם שטרעבען אַבצוהיטען די אינסטיטוציען פון אונזער אויטאָנאָמיע, בלויז ביז דעם צוזאַמענפאָר פון די קהלות, וואָס דאַרף פאָרקומען אין אַ חודש אַרום, ווען דער נאַציאָנאַל־ראַט [illegible] זיין דער העכסטער אָרגאַן פון דער אידישער נאַציע אויף אוקראַינע. די ציוניסטישע פראַקציע האָט גענוי [illegible] אין [illegible] פאָרמולירט אין איר דעקלאַראַציע די אַרבייטען פונ'ם נאַציאָנאַל־ראַט, וועלכע קענען איצט דורכגעפירט ווערען בלויז מיט פאַראייניגטע כחות פון אַלע [illegible] גרופּען. די ציוניסטען [illegible] אָבער [illegible] אויף [illegible] [illegible] צייט [illegible] [illegible] נאַציאָנאַל־ראַט [illegible] [illegible] [illegible] וואָס זאָל [illegible] [illegible] פאָלק [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible].

דער נייער נאַציאָנאַל־ראַט וועט פאַרמאָגען דעם [illegible] [illegible] אין [illegible] [illegible] מלובר־ אינסטיטוציע, ער וועט קענען מיט [illegible] זאָגען, אַז ער רעדט אין נאָמען פון דער נאַציע, לכל הפּחות פון דער מערהייט, ער וועט זיך קענען אָנשפּאַרען אויף רעאַלע אידישע מאַסען און דעמאָקראַטישע קהלות. אמת, ער וועט ניט זיין אַזוי איינהייטליך ווי פריהער, אַזוי הפקר און אומפאַראַנטוואָרטליך אין זיינע באַשלוסען, אָבער גראָד דאָס וועט פאַרשטאַרקען זיין השפּעה און באַדייטונג. פריהער האָט מען אָנערקענט נאָר די אנשטאַלט, איצט וועט מען אָנערקענען אויך דעם אינהאַלט זיינעם, חנם דער תוכן איז נאָך אַלץ ווייט פון אַ אידעאַל.

דער אַלטער נאַציאָנאַל־ראַט איז געשטאָרבען, און צוזאַמען מיט אים די תקופה. עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייער נאַציאָנאַל־ראַט, וועלכער ווערט באַגריסט פון אַלע געזעלשאַפטליכע כחות אינ'ם אידישען פאָלק. רעקאָנסטרואירט אין אַ מאָמענט פון אַ גרויסער סכנה, טראָגט ער אין זיך אַ סך מעלות און אַ סך חסרונות. ער באַזיצט ניט קיין פעסטע מערהייט, ער איז צעטיילט כמעט אויף צוויי גרופּען, און דאָס מיינט, אַז דער וועג אויף וועלכען ער קען געהען איז נאָר דער וועג פון אויסגלייך און געגענזייטיגע הנחות. דאָס דאַרפען ציהען זייער יניקה אינ'ם אויפריכטיגען וואונש צו בויען און שאַפען. קיינער קען ניט מנצח זיין איבער דעם אַנדערען אַזוי, אַז דער געגנער זאָל ליגען פאַר אים אַ צוקלאַפּטער און קאַפּיטולירטער — און דאָס דאַרף [illegible] [illegible] אין [illegible].

די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען דאַרפען אָבער געדענקען, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך אַבגעזאָגט פון דעם צאָל [illegible], וואָס איר קומט לויט די רעזולטאַטען פון די קהלה־וואַהלען נאָר כדי צו באַטייליגען זיך אין רעאָרגאַניזאַציעס און פאַרוואַנדלען דעם נאַציאָנאַל־ראַט אין אַ פאַבריק פון פראַזען, נאָר צוליב פּראַקטישע אַרבייט, ווענען דעם איז דער נאַציאָנאַל־ראַט [illegible] איינגעשטעלט געוואָרען אין די ערשטע רבים קען נאָר קיין רעדע ניט זיין פון טעטיגקייט ביי אָנהויב פון אַ נייעם קאַפּיטעל אַז מיר קענען זיך ניט מתחייב זיין פאַרשטיצען די פריהערדיגע אַנטינאַציאָנאַלע און אַנטידעמאָקראַטישע פּאָליטיק [illegible] [illegible] חלומען נאָך [illegible] אייניגע פּאַרטייען.

ווען די געמיינזאַמע אַרבייט [illegible] ניט געלינגען, וועט דער נאַציאָנאַל־ראַט פאַרוואַנדעלט ווערען נאָר אין אַ קאַמפּף־אַרענע פאַר דעם אַנטי־ציוניסטישען בלאָק, וועלען מיר די גאַנצע פאַראַנטוואָרטליכקייט אַרויפלעגען אויף די סאָציאַליסטישע גרופּען, וועלכע האָבען שוין איינמאָל באַגראָבען דורך זייער טאַקטיק און עקשנות אַ טייל פון די נאַציאָנאַלע עראָבערונגען און ווילען איצט מאַכען בלויז אַ [illegible] [illegible] פון די רעשטען פון דער אויטאָנאָמיע.

מיר פאַרשטעהען ניט דעם וואונש צו [illegible] די [illegible] פון דער קאַפּיטולאַציע, אָבער די נעכטיגע העררשער מוזען מודה זיין, אַז ניט בלויז אין דער פראַגע וועגען דער צוזאַמענשטעלונג

פונ׳ם נאַציאָנאַל־ראַט האָבען זיי איצט אָנגענומען אונזער שטאַנדפּונקט, נאָר אויך בנוגע צום כאַראַקטער פונ׳ם אידישען מיניסטער, וועלכער דאַרף זיין א סטאַטס־סעקרעטער, ווי אויך בנוגע צו זיין קאָמפּעטענץ האָבען זיך זייערע מיינונגען געענדערט. מען מוז זיך מודה זיין און אויפריכטיג אַריינטרעטען אויפ׳ן וועג פון געמיינזאַמער אַרבייט אינם רעקאָנסטרואירטען נאַציאָנאַל־ראַט, אַבטרייבענדיג פון זיך די בייזע שאָטענס פון דעם אַלטען.

די לאַגע איז א טרויעריגע, די באַדינגונגען זיינען שווערע, אָבער מעגליכקייטען צו ראַטעווען די יסודות פון אַווטאָנאָמיע זיינען נאָך פאַראַן — דאַרף מען זיך דורכדרינגען מיט דער ערנסקייט פונ׳ם מאָמענט און מאַכען דערצו דעם נויטיגען פועל יוצא פאַר אַנ׳אָנהויב פון א נייער פּאָליטיק.

מ. גראָססמאַן.

די אידישע רעוואָלוציע.

„די רעוואָלוציע איז געקומען“, „די רעאַקציע איז געקומען“ — „אויף דער אויסערליכער פּאָליטישער גאַס“, „אויף דער אינעווייניגסטער אידישער גאַס“ — ווי אָפט קלינגען די דאָזיגע ווערטער און ווי אונקלאָר איז זייער אינהאַלט! וואָרום, די אידישע רעוואָלוציע איז בכלל וכלל ניט ענליך צו דער רעוואָלוציע ביי די אומות העולם, פּונקט אַזוי ווי די אידישע רעאַקציע איז דער היפּך פון דער רעאַקציע אויף דער אַלגעמיינער פּאָליטישער גאַס. און ניט דערפאַר, וואָס מיר זיינען אַנ׳אַתה־בחרתנו־פאָלק, נאָר דוקא דערפאַר, ווייל מיר זיינען אַנ׳אומגליקליך פאָלק — אָהן אַנ׳ערד און אָהן א מלוכה. אונזער רעוואָלוציע איז א באַגרעניצטע נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע, — זי קאָן ניט געמאַכט ווערען מיט דעם מאַסשטאַב פון די סאָציאַל־פּאָליטישע רעוואָלוציעס, וואָס קומען פאָר ביי די געזונטע פעלקער, וועלכע לעבען מיט א פולען נאַציאָנאַל־טעריטאָריאַלען לעבען.

און אַז מען אידענטיפיצירט די אידישע רעוואָלוציע מיט די מער אָדער ווייניגער צופעליגע רעזולטאַטען פון קהלה־וואַהלען אין א מין הייסין אָדער בערדיטשעוו (וואו די סאָציאַליסטען האָבען באַקומען מער שטימען, איידער די צאָלען צו וועלכע זיי זיינען געוואוינט), — פאַרשוועכט מען דערמיט בלויז דעם כבוד פון דער אידישער רעוואָלוציע.

א מערקווירדיגע זאַך! די ערשטע חדשים נאָך דער מפּלה פונ׳ם אַלטען רעזשים, — בשעת דאָס לעבען האָט פיבערהאַפט געפלאָכטען נייע ווערטען און געוועבט נייע אידעאַלען, בשעת די פאָלקס־מאַסען זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט אַנ׳אַקטיווען רצון צו שאַפען נייע און בעסערע לעבענס־פאָרמען בשעת די אידעאַלען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערשאַפט — סאָציאַלער, פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער — האָבען מיט א סטיכישער קראַפט אַרומגעכאַפּט אַלע עלעמענטען פון דער רוסלענדישער באַפעלקערונג, — גראָד דעמאָלט האָט אויף דער אידישער גאַס דערגרייכט ביז צו זיין העכסטער אויפבליהונג דער רעיון פון פולער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער גאולה, דער ארץ־ישראל־אידעאַל פונ׳ם אידישען פאָלק; דוקא דעמאָלט האָט דער ציוניזם אָפּגעהאַלטען איין נצחון נאָך דעם אַנדערן און אונטער דער בלוי־ווייסער פאָן פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, וועלכע האָט נצחון׳דיג געפלאַטערט איבער דער אידישער גאַס, האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט ביז 70=80 פּראָצענט פון דעם רוסלענדישען אידענטום...

וואָס־זשע איז עס דאַן געווען: די אידישע רעוואָלוציע צי די אידישע רעאַקציע?

די אידישע סאָציאַליסטען — און די פּועלי־ציון בתוכם — מיינען, אַז דאָס איז געווען די אידישע רעאַקציע. אין משך פון א יאָר צייט האָבען זיי מיט פאַראַכטונג און האַס גערעדט וועגען די אידישע מאַסען, וועלכע זיינען „נאָך ניט דערוואַקסען ביז צו א רעוואָלוציע“.

פאַרוואָס־זשע האָבען גראָד די אידישע מאַסען אַרויסגעוויזען אַזאַ צעפּוילקייט, בשעת אַלע אַרום זיי זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט די בעסטע און העכסטע אידעאַלען? וואָס האָט געשטערט די אידישע מאַסען צו דערהויבען זיך צו דער מדרגה, אויף וועלכער באַלד נאָך דער רעוואָלוציע האָט זיך געשטעלט דער רוסישער אַרבעטער און דער רוסישער פּויער? וואָס האָט אָבגעטויט דעם געזונטען פאָלקס־חוש פון די אידישע מאַסען? שוין־זשע זיינען באמת די אידישע מאַסען אַזוי טעמפּ און פּרוכמי־לאָז, אַזוי רייך מיט עם־הארצית און אָהן אַלף־בית־ניקעס, אַז די כוואַליעס פונ׳ם רעוואָלוציאָנער שטורם, וואָס האָבען מיטגעריסען די אינערטעסטע שיכטען פון די אַרומיגע פעלקער, האָבען איבערגעלאָזען אָן א זייט און אפילו ניט אָנגערירט די אידישע גאַס? שוין־זשע איז די אידישע גאַס און דוקא בלויז זי געווען באמת אַזוי שפּל׳דיג אין פאַרגליווערט, אַז זי האָט אפילו ניט באַמערקט דעם גרויסען היסטאָרישען געוויטער, וואָס האָט געטראָגען מיט זיך נייע אידעאַלען דער וועלט?

ניין! דאָס איז אַרכילות אויף דעם אידישען פאָלק! און ווי ווייניג ליבע צום פאָלק און אמונה אין זיינע קרעפטען עס שטעקט אין די דאָזיגע באַהויפּטונגען!

ניט קיין אתה־בחרתנו־פאָלק זיינען מיר. אָבער אַזוי נידריג זיינען מיר נאָך יעדענפאַלס ניט געפאַלען און אַזוי טויב צום דעם רעוואָלוציאָנערען פרייהייטס־ליד זיינען מיר נאָך ניט. פול מיט חסרונות איז דאָס אומגליקליכע אידישע פאָלק, נאָר אַזוי איז עס נאָך ניט צעפוילט געוואָרען!

דערמאָנט איך, אַז גראָד דענסטמאָלט, אין די ערשטע חדשים נאָך דער רעוואָלוציע, ווען די ציוניסטישע שטימונג האָט זיך אַזוי סטיכיש־מעכטיג אַרויסגעריסען פון די אידישע פאָלקס מאַסען, — גראָד דעמסטמאָלט האָט דערגרייכט ביז צו דער העכסטער מדרגה די פּאָליטישע אַקטיוויטעט פון דער אידישער גאַס, גראָד דעמאָלט האָט זי געלעבט מיט די גרעסטע האָפנונגען און עקשנות׳דיגע שטרעבונגען, גראָד דעמאָלט איז זי מאַסענווייז געגאַנגען צו אַלע וואַהלען און, ניט וואַקלענדיג זיך אין אירע שטימונגען, קלאָר און פעסט אַרויסגעוויזען דעם אייזערנעם פאָלקס־רצון — דעם ווילען צו ארץ ישראל.

און ניט פון פוילקייט און פרוכטלאָזיגקייט — שעמט זיך העררען „דעמאָקראַטען“! — איז מען צו דעם דאָזיגען פאָלקס־אידעאַל געקומען, נאָר דוקא דער פרייהייטס־ווינד האָט אים אויף דער אידישער גאַס פאַרשטאַרקט, גראָד מיט׳ן רעוואָלוציאָנס־ליד איז ער צו אונז געבראַכט געוואָרען, דורך דער רעוואָלוציע געבענטשט געוואָרען. דער ווילען צו ציון — דאָס איז די געזונטע נאַציאָנאַלע זעלבסט־באַשטימונג פונ׳ם אידישען פאָלק, דאָס איז די אידישע נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע און מיר האָבען ניט קיין מורא פאַר דעם היסטאָרישען רכילות פון די „דעמאָקראַטען־דעמאַגאָגען“, וואָס פאַרשוועכען דעם כבוד פון דער אידישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט אין דער אָנגעפּרישטער אַטמאָספערע פון די רעוואָלוציאָנערע האָניג־טעג פאַרפלייצט די אידישע גאַס און געפייערט אירע נצחונות.

און גראָד דאָס, וואָס די זעלבע דעמאַגאָגען רופען אָן „די אידישע רעוואָלוציע“, — גראָד דאָס איז די אידישע רעאַקציע.

די „היסטאָרישע ראַטען“ פון הייסין און בערדיטשעוו זיינען געקומען גלייכצייטיג מיט דעם, ווען די רויטע פאָן האָט אָנגעהויבען צו זינקען אויף דעם אַלגעמיין־פּאָליטישען האָריזאָנט, ווען אויף אוקראַיִנע האָבען זיך צום ערשטען מאָל באַוויזען די טרעגער פונ׳ם צענטראַל־אייראָפּעאישען אימפּעריאַליזם. סקעפּטיציזם און גלייכגילטיגקייט האָט אַלעמען אַרומגערינגעלט; בטול און אַפּאַטיע האָט אַרומגעכאַפּט אויך די אידישע גאַס. דעם אָרט פון אַקטיוויטעט האָט פאַרנומען די פּאַסיוויטעט; אַנשטאָט גרויסשטייגערישע האָפנונגען — ביטערער סקעפּטיציזם. אַנשטאָט רעוואָלוציאָנערען אויפלעבונגס־גייסט — קליינליכע חשבונות און קליינליכע אינטערעסען. דער אַבסענטעאיזם ביי די וואַהלען האָט דערגרייכט ביז צו דער העכסטער מדרגה. די קלאָרקייט און פעסטקייט פון די פאָלקס־שטימונגען איז פאַרשוואונדען, ס׳האָט זיך אָנגעהויבען א פּעריאָד פון פּאָליטישען וואַקל־ען און בלאָנדזשען אין דער פינסטערניש. מיט מידע הענד טאַפּט אָן דער פאָלקס־גייסט זיין ריכטיגען וועג, און אונטער דעם צייכען פון צופעליגקייט קומען פאָר אַלע וואַהלען.

דאָס איז די אידישע רעאַקציע, די רעאַקציע פונ׳ם אידעען און גלייכגילטיגען פאָלקס־גייסט.

קיין סאָציאַליסטישע מערהייט — גלויבען מיר — וועט דאָך די רעאַקציע מיט זיך ניט ברענגען, און דאָס גאַנצע בלאָזען אין טראָמפּייטען און קלאַפּען אין פּויקען, די גאַנצע אַמעריקאַנישע אַרבייט און דעמאַגאָגישע ספּעקולאַציע פון די נייע „זינגער“ איז, דוכט זיך אונז, א ביסעל פריהצייטיג. אין די „סאָציאַליסטישע“ קהלות — און אפילו אין די, וואו דער „נצחון“ איז געקויפט געוואָרען אויף׳ן ריין־אַמעריקאַנישען אופן (ווי, למשל, אין דער געבענטשטער „רעוואָלוציאָנערער“ שטאָט בערדיטשעוו, וואו אין די וואַהל־קעסטלאַך האָט מען געפונען מער וואַהל־ביולעטענען, איידער מענשען האָבען געשטימט) — אפילו אין די „סאָציאַליסטישע“ קהלות ווערען כסדר אויסגעקליבען — זעהט אויס, על פּי נס — ניט־סאָציאַליסטישע פּרעזידיומס, און די ציוניסטען זיינען סוף־כל־סוף די איינפלוסרייכסטע פּאַרטיי.

אָבער מיר פאַרלייקענען אויך ניט די ווירקליכקייט. די צייט פון נאַציאָנאַלען אַקטיוויזם איז פאַרביי. אויף דער אידישער גאַס פאַרשטאַרקט זיך די פּאָליטישע מיטעל־מעסיגקייט. טויזענטער מענשען האָבען זיך דערווייטערט פונ׳ם פּאָליטישען לעבען; צווישען די איבערגעבליבענע פאַרשטאַרקט זיך די בעל־הבית׳ישע קליינליכקייט, די דורכגעדרונגענהייט מיט צופעליגע לאָקאַלע אינטערעסען, וועלכע שפּייזט א מאָל די רעכטע, אַמאָל די לינקע פליגעל.

די ציוניסטישע מערהייט — גלויבען מיר — וועט דאָך פאַרבלייבען. זי מוז פאַרבלייבען. און מיר דאַרפען אָנשטרענגען אַלע כחות אינ׳ם קאַמף מיט׳ן אַפּאָליטיזם און געזעלשאַפטליכער רעאַקציע. וואָרום, מיר ווייסען: די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע האָט זיך ניט פאַרענדיגט. נאָך עטליכע וואָכען — אפשר נאָך עטליכע חדשים, ס׳וועט קומען א סוף צו דער וועלט־מלחמה און ס׳וועט קלאָר ווערען די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע לאַגע, — און מיר וועלען אַריבערגעהען צו דער טאָג־טעגליכער שעפערישער אַרבייט

פאר ארץ ישראל און אין ארץ-ישראל. מיר וועלען זיך צוריקקערען צום בויען די אידישע נאציאנאלע צוקונפט און מיר וועלען גערען מיט נייע ענערגיע, מיט א שנעלערען טעמפ און פעסטערע שריט. און מ'וועט ווידער דערוועקט ווערען מיט איר גאנצער סטיכישער קראפט די ערד-בענקשאפט פונ'ם אידישען פאלק, און ס'וועט ווידער ערוואכען די אידישע נאציאנאלע רעאליזאציע...

מ. הינדעס.

ציוניזם דער באפרייער.

ווי דאס זאל ניט קלינגען פאראדאקסאל, נאר באמת איז עד היום נאך [illegible] [illegible] אנערקענט אין אידישע [illegible] די [illegible] [illegible] פון [illegible] [illegible] דאס וואס [illegible] [illegible] א נעג[illegible] גאנץ פרעמד פון איר, איז מער [illegible] באדערפט די נאטירליכע [illegible] איז שטענדיג זיין א [illegible] צו דער ציוניסטישער אידעע פון דער באפרייאונג.

די [illegible] [illegible] פון דער [illegible] [illegible] אין ארגומענט [illegible] [illegible] פאלגענדע.

צו וואס שטרעבט דער ציוניזם? אבצוהיטען די נאציאנאלע אינדיווידואליטעט פונ'ם אידענטום וואס איז איינגעשלאפען געווארען אין פאלקס-[illegible] און קאנסערווירט דורך [illegible]. אט דער היסטאריש געשאפענער נאציאנאלער אינדיווידואליטעט דראהט א סכנה אין די באדינגונגען פונ'ם גלות-לעבען, די אויפגאבע פונ'ם ציוניזם איז צו ראטעווען אט דעם היסטארישען איבערגעבליבענעם טיפ פון דער נאציאנאלער קולטור, איינוואָרצלען אים צוריק אין פארקערטען, ווידערהערשטעלען דעם בנין פונ'ם היסטארישען יודאיזם וואס האלט ביים איינפאלען.

די דאזיגע אפיציעלע „אבהיטענדע" קאנצעפציע איז אינגאנצען פרעמד דעם אמת'ן מהות און גייסט פון ציוניזם, אלס א אידעע און באוועגונג. דער ציוניזם איז ניט קיין קאנסערוואטאר, נאר א באפרייער. די אויפגאבע צו רעסטאווירען די היסטארישע נאציאנאלע אינדיווידואליטעט פונ'ם אידענטום, אלס זעלבסטצוועק, איז אומענדליך ווייט פון איהם; ער שטרעבט ניט נארניט צו רעסטאווירען און נארניט צו קאנסערווירען, ווייל אלערליי רעסטאווירענדע און „אבהיטענדע" פראיעקטען טראגען אומפארמיידליך דעם שטעמפעל פון מייטענדער רעאקציע. צי דאס איז א רעסטאוראציע פון צעך-ארדנונג אין מלאכה צי פון העטמאנשאפט אויף אוקראינע, ביי אלע פעלער שטעלט מיט זיך פאר דער רעסטאווירענדער אידעען-קרייז איבערהויפט א רעגרעס.

אין דער [illegible] פון ציוניזם דעם באפרייער ליגט אין גאר אנאנדער מקור. איש אין אינ[illegible] פרעמד די רעסטאווירענדע אידעע, ווייל ער פארבינדט [illegible] ניט דעם עתיד פון אידישען פאלק אין פארגאנגענהייט מיט דעם אדער יענעם באשטימטען טיפ פון קולטור, ער באשטימט ניט פאראויס די פארמען [illegible] נאציאנאלען לעבען, ער ווייסט ווי ניט פאראויס [illegible] [illegible] פאראויס [illegible] און [illegible] ער קענטליך עפעס איי[illegible] [illegible] רעסטאוראציאנס [illegible]. ער [illegible] דעם אידישען פאלק די [illegible] זעלבסטשטענדיג [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] דאס [illegible] פאראויס, [illegible] דאס [illegible] באפרייען [illegible] פאר [illegible] [illegible] א [illegible] [illegible] א מעגליכ[illegible] [illegible] פון איר [illegible] [illegible] נאציאנאלער אינדיווידוא[illegible] [illegible] באקוועמע [illegible] [illegible] די פארמען [illegible] א פראגע וואס [illegible] פאר אס [illegible] [illegible] קולטור נאר א [illegible] [illegible] נאציאנאליטעט פון יעדער קולטור ווערט באשטימט ניט לויט איהר אינהאלט נאר [illegible] שאפער די קולטור, וואס איז געשאפען [illegible] [illegible] א [illegible] מוז זיין א אידישע אינ[illegible] פון איר מיט אין איבערלעבען געשטאלט. אויב א פאלק שאפט פריי און זעלבסטשטענדיג די אדער יענע באשטימטע קולטורעלע פארמען, זיינען זיי פאר איהם נאציאנאלע, ווען זיי זאלען אפילו זיין ראדיקאל [illegible] [illegible] דעם פריהערדיגען, היסטאריש [illegible] מיט פון זיין קולטור. [illegible] [illegible] נאציאנאלע, ווייל זיי זיינען פרוכטען פון זיין נאטירליכער [illegible], ווייל זיי זיינען ניט קיין רעזולטאט פון געצוואונגענער אסימילאציע. און אויב די אידישע נאציע איז פעלקערווייזע אנטוויקלענדיג זיך פריי, וואלט פון זיך אליין ארויס אבגעוואקסען איהר קולטורעלען לעבען און פארמען פון לאמיר זאגען, עפא-

נישער קולטור, וואלט אט די קולטור געווען פאר איר א נאציאנאלע, ווייל די עקזיסטענץ פון א נאציע איז ניט פארבונדען מיט דעם אדער יענעם קאנקרעטען טיפ פון קולטור. פרינציפיעל איז זי פארבונדען נאר מיט א אייגענער קולטור, וועלכע קאן זיך אומענדליך וואריאירען אויפ'ן שטח פון איר היסטארישער עקזיסטענץ, פארוואנדלענדיג זיך אפט אין א סתירה לויט'ן טיפ און כאראקטער.

יעדער פרוב פרינציפיעל און איינמאל פאר אלע מאל פארבינדען א וואסער עס ניט איז קאנקרעטען אינהאלט מיט דער אדער יענער נאציע, פארוואנדעלט פאקטיש תמיד א לעבעדיגען פראצעס אין זיין פארגליווערטען „חוק", ווייל אין דער ווירקליכקייט איז נישטא א נאציע מיט א באשטימטען קולטורעלען אינהאלט, וואס איז איינהייטליך און אומגעענדערט אין משך פון איר גאנצער היסטאריע. דער אינהאלט באשטעהט פון א גאנצער רייהע פון אייגענארטיגע קולטורעלע [illegible], וועלכע זיינען צווישען זיך פארבונדען בלויז פארמעל כראנאלאגיש דורך דער איינהייטליכקייט פון דער סביבה אליין, דורך דעם נאטירליכען געגענזייטיגען איינפלוס פון דעם אלטען און נייעם דור, פון די עלטערן און קינדער.

און די אידעע פון א נאציאנאלער אויפלעבונג פון יעדען פאלק איז להלוטין ניט פארבונדען מיט א שטרעבונג אבצוהיטען אט גראד דעם אינהאלט פון דעם קולטורעלען ציקל, וואס די נאציע לעבט איבער אין געגעבענעם מאמענט. איר ציל איז נאר שאפען אזעלכע באדינגונגען, וועלכע פארזיכערן דעם פאלק די מעגליכקייט אויטאנאם צו לעזען אלע זיינע קולטורעלע און סאציאלע פראבלעמען, ניט באשטימענדיג פאראויס אין וואס פאר א ריכטונג ס'וועלען די פראגען געלעזט ווערען. אין א אנדערן פאל ווערט די נאציאנאלע באוועגונג פארגליווערט אויף דער קאנסערווירונג פון דעם אדער יענעם תוכן, וועלכער איז [illegible] פון אלץ קינסטליך [illegible] ראציאנאליסטיש פארבונדען מיטן קיום פון פאלק.

אט די סכנה דארף אויסמיידען דער ציוניסטישער געדאנק און פעסטשטעלען, אז א נאציאן איז ניט עפעס אבסאלוטעס, ניט קיין „דינג אן זיך", נאציע איז א רעלאטיווע ערשיינונג. וואס ווערט דעפינירט נאר דורך פארגלייכען מיט אנדערע פארשידענע [illegible] ערשיינונגען. פון א נאציאן קאן מען רעדען נאר דאן ווען זיינע [illegible] פארמען אנדערע [illegible] [illegible], וואס פארמאגען אנדערע קולטורעלע און פסיכאלאגישע באזונדערהייטען. נאר דערפאר, וואס עס זיינען דא ענגלענדער קאן מען רעדען מכח פראנצויזען. די נאציאנאלע אינדיווידואליטעט ווייזט זיך ארויס ניט אן און פאר זיך נאר אין פארגלייך מיט אנ'אנדערער נאציאנאלער אינדיווידואליטעט. ווען וועלכער א פאלק וואלט זיך פלוצים געפונען אויף א פארוואָרפענעם ווינקעל אין דער ראליע פון ראבינזאן צווישען די נאציאנען, וואלטען מיר ניט באמערקט אין אים קיינע נאציאנאלע שטריכען. מיר וואלטען, אמת, געקאנט זאגען, אז די ענגלענדער וואלטען אין דעם פאל ארויסגעוויזען מער ענערגיע, אדער די רוסען און די פראנצויזען מער איבערגעגעבענקייט אדער די דייטשען, אבער צום געדאנק פון אזעלכע נאציאנאלע אייגענשאפטען וואלטען מיר געקומען נאר נאכ'ן דורכמאכען אין מוח א באשטימטען פראצעס פון פארגלייכען. עס וואלטען אומפארמיידליך דא געווען די ווערטער „מער" און „ווייניגער", ווייל נאציאנאלע אייגענשאפטען זיינען רעלאטיווע ערשיינונגען.

עס איז דעריבער נישטא קיין גרונד פיבערהאפט צו האלטען זיך אן די אדער יענע אייגענשאפטען פון נאציאנאלער קולטור און כאראקטער. זיי זיינען פארהעלטניסמעסיג, זיי זיינען ניט פארבונדען ארגאניש מיט דער עקזיסטענץ פון דער נאציאן, זיי קאנען זיך ביטען. מען דארף פון זיי ניט מאכען קיין אבגאט.

י. שעכטמאן.

פערסאנאלער פארלאמענטאריזם.

דער סיימיזם, וואס געהערט צו איינעם פון די וויכטיגסטע מאמענטען אונזער [illegible] גלות, לעבט אצינד איבער א טיפען קריזיס. כל זמן א אידישער סיים איז נאך געווען א ווייטער חלום, האט ער געקאנט דינען אלס א פאקטאר, וואס פאראייניגט דאס אידענטום, אלס א שטערן, וואס פירט פון צעשפרייאונג צו אחדות. זינט ס'איז אבער געקומען די צייט פארוואנדעלט צו ווערען פון א טרוים אין א ווירקליכקייט, האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער חלום איז געווען א פאלשער—א אידישער סיים קאן אונז ניט געבען עפעס ממשות'דיגעס און פונדאמענטאלעס, ער איז פארמשפט צו בלייבען א פוסטע פראזע, בלויז א סימבאל פון עפעס, אבער אהן א רעאלען אינהאלט, ווייל דער אינהאלט— דאס עקאנאמישע און פאליטישע לעבען פונ'ם אידענטום— איז, ווי עס ווייזט זיך ארויס, אויסער תחום פון זיין יורידיקציע, אט דער וויכטיגער טייל פונ'ם אידישען לעבען וועט זיין אבהענגיג נאר פון די געגענטס-פארלאמענטען. פארן סיים בלייבט, אין

בעסטען פאל, אט די געקירצטע אויטאנאמיע, מיט וועלכער עס געפינט פאר מעגליך צו באנוגענען זיך נאר דער „בונד". שולען—און דערביי וועלען זייערע פראגראמען אין זייער יסוד דיקטירט ווערען ניט דורכ'ן סיים, נאר דורך די פאדערונגען פון די געגענט-פארלאמענטען; שפיטאלען—און אפילו ניט היגיענע אין ברייטען זין פון ווארט, ווייל דאס לעצטע וועט אויך זיין אבהענגיג פון די געגענטס-פארלאמענטען; עמיגראציאנס-פראגען—אבער אויך זיי וועלען באשלאסען ווערען אין צוזאמענהאנג מיט דער פאליטיק פון די קאנט-רעגירונגען. און ווייטער וואס? פון א אמת'ן נאציאנאלען בייען, פון א נאציאנאלען שאפען איז נאך דאס זעהר ווייט. וועגען דעם קאן, ווי עס זעהט אויס, זיין א רעדע ניט אין א סיים מיט א באגרענצטער קאמפעטענץ, נאר בלויז אין א מאכטפולען טעריטאריאלען פארלאמענט. אחוץ דעם וועט די פארבינדונג צווישען פארשידענע נאציאנאלע געגענטס-סיימען זיין צוליב אינטערנאציאנאלע מאטיווען זעהר נישט קיין פעסטע. דאס אליין נויטיגט אונז מסופק צו זיין אינ'ם סיים, ווי אין א מיטל צו פארענטפערן די אידישע פראגע. אפילו די גרעסטע אנהענגער זיינע, ס. ב. ראטנער, האט פאר'ן טויט, ווי עס גיבען איבער זיינע פריינד, ארויסגעוויזען א נטיה צום טעריטאריאליזם. און זשיטלאווסקי, ניט אבשטעלענדיג זיך אויף די צווישען-סטאנציעס, איז גלייך צוגעשטאנען צום ציוניזם.

אבער אין דער אידעע פון סיים איז פאראן א סך אזעלכעס, וואס דארף ניט אבגעווארפען ווערען. די באדערפענישען פונ'ם פילמיליאניגען אידענטום אין גלות קאנען ניט זיין גלייכגילטיג פאר'ן אידענטום, וואס וועט לעבען אלס א פרייע נאציאן אויפ'ן אייגענעם באדען, דאס איז פון איין זייט. פון דער צווייטער זייט דארף מען ניט צונעמען ביי דעם פילמיליאניגען אידענטום דאס רעכט צו באטייליגען זיך אין דער נאציאנאלער אויפלעבונג, וועלכע הויבט זיך אן פאר'ן אידענטום אויף זיין טעריטאריע. און אין דער אדער אין יענער פארם דארף דאס דאזיגע מחוץ-לארץ אידענטום, וואס האט געבוירען יהודה הלוי, וואס האט געגעבען דעם ציוניזם, צוגעצויגען ווערען צום נייעם נאציאנאלען בייען אין פאלעסטינע.

אין דער נייער אידישער ישוב וועט דארפען צווישען די איבעריגע נייע לעבענס-פארמען, געבען אויך עפיס נייעס אין די פארמען פון פארלאמענטאריזם—געבען די מעגליכקייט צו נעמען אנטייל אין די ארבעטען פון פארלאמענט ניט נאר די מענשען, וואס לעבען אויף דער באשטימטער טעריטאריע, נאר אויך די אויסלענדישע ברידער פון זייער פאלק.

דער גרונד-פרינציפ פון פארלאמענטאריזם באשטעהט אין דעם, אז אינ'ם באשליסען פון די מלוכה-פראגען דארפען אנטייל נעמען אלע די, וואס זיינען פאראינטערעסירט אינ'ם באשלוס, אלע די, וואס זיינען פאר דעם באשלוס פאראנטווארטליך. יעדע וויאהל-סיסטעם איז אויף אזוי פיל אידעאלער, אויף וויפיל זי אנטשפרעכט אט דעם פרינציפ—דעם פרינציפ פון פאראנטווארטליכקייט. דער פארמעגען-צענז, וואס איז געווען דער יסוד פון די ערשטע וואהל-געזעצען, איז ארויסגעגאנגען פון אט דעם פרינציפ. ער האט אבער ארויסגעווארפען פון דעם וועהלער-קרייז א גאנצע רייהע פערזאנען, וואס האבען ניט אזא צענז, טראגען אבער די פאראנטווארטליכקייט פאר דעם אדער יענעם באשלוס, וועלכער ווערט אנגענומען דורך דער רעגירונג פון א לאנד אדער מדינה, צו וועלכער זיי געהערען. און אויפ'ן ארט פון צענז איז געקומען דער וואוין-ארט. יעדער פולבארעכטיגער בירגער האט וואהל-רעכט אין זיין שטענדיגען וואוין-ארט.

פון אזא וועהלער-קרייז פאלען אבער ארויס אסך, וועלכע מוזען לויט דער פראפעסיאנעלער נויטווענדיגקייט און אפט לויט דער פליכט פון זייער דינסט זיין אויסער'ן ארט פון די וואהלען. זיי, אפשטאל די צומייסטענס פאראינטערעסירטע, פארלירען אויף אזא אופן דאס רעכט צו באטייליגען זיך אין דער פארוואלטונג פון לאנד, און מלוכה, פאר וועלכער זיי געבען אב מעגליך, זייער גאנצע צייט, זייער גאנצע ענערגיע.

באזונדערס בולט האט זיך עס ארויסגעוויזען ביי די וואהלען אין דער אלרוסלענדישער גרינדונג-פארזאמלונג. א טייל פון דער באפעלקערונג, די ארמיי, האט זיך געפינען אויסער דער היים, איז געווען אין שטענדיגער באוועגונג. צונעמען אבער ביי דער ארמיי דאס שטים-רעכט איז געווען אוממעגליך. און בנוגע צו דער ארמיי איז אנגעווענדעט געווארען א קלוגער מיטל—די ארמיי האט געקליבען עקסטעריטאריאל. מיט דעם זיינען פון איין זייט געזיכערט געווארען די אינטערעסען פון די איינוואוינער פון וואלין, בעסאראביע, ווייל אין געגענפאל וואלטען זייערע שטימען דערשטרונקען געווארען אינ'ם ים שטימען פון מיליטער, וואס האט זיך געפינען אויף זייער טעריטאריע, און פון דער אנדערער זייט האבען די סאלדאטען, וואס האבען זיך געפינען אויסער'ן תחום פון דער רוסישער מלוכה, ניט פארלוירען דאס רעכט צו באטייליגען זיך אין באשליסען די פראגען, אין וועל-

כע זיי זײַנען פאראינטערעסירט ניט ווייניגער פון אנדערע. אויף אזא אופן איז דער טעריטאריאלער פרינציפ צום ערשטען מאל אינגאנצען פארבויטען געווארען דורכ'ן פרינציפ פון פערזאנאלער פאראנטווארטליכקייט: דער, וואס איז פאראנטווארטליך פאר די באשלוסען פון א פארלאמענט, האט רעכט צו קלויבען אין איהם אומאבהענגיג פון דעם, וואו ער וואוינט אין יענעם מאמענט.

דאס איז דער ערשטער שריט, נאך וועלכען עס דארף קומען דער צווייטער. אויב עס האט שטים-רעכט א סאלדאט און א מיליטער-באאמטער, וואס לעבט אויף דער טעריטאריע פון רומעניען אדער פערסיען, פארוואס-זשע זאל מען צונעמען דאס אייגענע רעכט ביי א געוועהנליכען טשינאווניק אדער א פריוואטער פערזאן, וואס וואוינט אויך דארטען. די לעצטע זײַנען דאך אויך פאראינטערעסירט אין די באשלוסען, וואס ס'וועט אננעמען די אלרוסלענדישע גרינדונג-פארזאמלונג, די דאזיגע באשלוסען זײַנען זיי דאך אויך מחויב צו ערפילען. און אויב מען גיט דאס רעכט זיי, דארף מען עס געבען אויך די רוסישע בירגער, וואס וואוינען אין פאריז, לאנדאן. ווייל דאס וואהל-רעכט דארף זײַן פארבונדען ניט מיט'ן וואוין-ארט בשעת ערב די וואהלען, נאר מיט דער יוריסדיקציע פון דער אנשטאלט, וואס ווערט אויסגעקליבען, אויף וויפיל די אדער יענע פערזאן איז אונטערגעווארפען זײַנע באשלוסען. דאס איז אין אלע הינזיכטען די בעסטע פארענטפערונג פון דער פראגע. האבען דאך אלע בירגער פון וועלכער ס'ניט איז מלוכה, וועלכע וואוינען אין אויסלאנד, די מיליטער-פליכט צו באשיצען זייער פאטערלאנד. און דאס מעלדען זיך קוסט פאר געוועהנליך ביי די געהעריגע קאנסולען. פארוואס-זשע זאל מען ביי זיי צונעמען דאס רעכט צו אבגעבען זייערע שטימען ביי די אייגענע קאנסולען בשעת די וואהלען אין די פארלאמענטען, וואס אנטשיידען די פראגען פון מלחמה און שלום? פראגען, אין וועלכע זיי זײַנען ניט ווייניגער פאראינטערעסירט און ניט ווייניגער קאמפעטענט, איידער זייערע מיטבירגער, וואס זײַנען געבליבען אין דער היים.

אין אמאליגען רוים האט מען ביי די וואהלען פון קאנסולען געקאנט שטימען נאר אין רוים. אצינד זעהט דאס אויס ווי אן אבסורד. און אזא אבסורד איז אויך דאס, וואס א רוסישער בירגער, וועלכער לעבט אין פאריז, האט ניט קיין וואהל-רעכט צום רוסישען פארלאמענט, וואס באשליסט זײַן גורל, דעם גורל פון זײַנע קינדער. די צוגעהעריגקייט דארף זײַן ניט צו דער ערד, נאר צו די רעכטליכע אינסטיטוטען אומאבהענגיג פונ'ם צופעליגען וואוין-ארט.

דאס ברייטע פארוועהנדען פון אט דעם פרינציפ קאן פארענטפערן א גאנצע רייהע פון קאמפליצירטע פראגען און פארמיידען נאציאנאלע קאנפליקטען, בפרט איצט. צוליב דעם, װאס די פאליטישע גרענעצען צווישען אסך פעלקער פון רוסלאנד זײַנען א לאנגע צייט געווען אבגעריבען, האבען זיך אבגעמעקט אויך די עטנאגראפישע גרענעצען. צווישען דער פארשידענארטיגער באפעלקערונג איז פארגעקומען א שטענדיגע דיפוזיאן, און אצינד זײַנען די געאגראפישע און עטנאגראפישע גרענעצען גאנץ פארשידען. ביים אויפשטעלען די גרענעצען שטעלט עס אסך מאל אין א טראגישער לאגע. צום ביישפיל, די פאליאקען-פוילען װעט װערען פריי. אסך פאליאקען װעלען אבער בלייבען אין װאלין, אין פאדאליען. און זיי שטעהט פאר א דילעמע—אדער װארפען די אייגענעסטע ערטער און עמיגרירען קיין פוילען, אדער זיך אבזאגען פון אנטיילנעמען אינ'ם בויען דאס נייע פוילען, פון באטייליגען זיך אין פוילישען סיים, פאר װעמענס װידעראויפבויען זיי האבען געבראכט אזוי פיל קרבנות. דער אויסוואהל איז נישט פון די גרינגע. די פראגע װערט אבער אהן שום מניעות פארענטפערט, אויב ס'וועט זײַן ערלויבט, בלייבענדיג אויף די ערטער, זיך אנערקענען פאר בירגער פון דער פוילישער מלוכה און נעמען אנטייל אין איר פאליטיש לעבען. דאסזעלבע איז אויך בנוגע צו די רוסען און אוקראינער, װאס זײַנען געבליבען אין די גרענעצען פון פוילען. די פראגע װעגען גרענעצען פון דער אדער יענער מלוכה, פון דער אדער יענער אויטאנאמיע װעט פארלירען טאלחיי איר שארפקייט.

עס װעט אויך פארקלענערט װערען די שארפקייט פון א צווייטער אנגעוועהטאגטער פראגע, װאס װעט אומבאדינגט אויפשטעהן פאר די געזעצגעבערס פון אייראפע שוין אויף דער שלום-קאנפערענץ—די פראגע װעגען באשיצען די רעכט פון דער מינדערהייט. יעדער אויטאנאמער טייל, װאס װערט איצט געבוירען, פראקלאמירט פייערליך אט די פארטיידיגונג. אבער װייטער פון אזא דעקלאראציע געהט די זאך נישט. און קאן נישט װייטער געהען, װייל דער מעטאד פון אזא פארטיידיגונג איז נאך ניט אויסגעקלערט אפילו אין דער טעאריע. פראפארציאנעלע פארשטעהערשאפט און װייטער—מער גארניט. למשל, װאס קאנען מאכען אט די פראפארציאנעלע פארשטעהער אין א איינהייטליכען פארלאמענט? פייערליך פראטעסטירען און מער גארניט. זיי קאנען אפילו ניט אפעלירען צו זייערע אויסלענדישע ברידער, װייל דאס װאלט הייסען אן אויפרוף זיך אריינמישען אין די „אינגעװעניגסטע ענינים". דעריבער איז אסך בעסער פאר די פאליאקען אין אוקראינע און פאר די אוק

ראַנגער אין פּוילען צו ווערען „אויסלענדער" און געפינען שוץ אין זייער בית, זייער ראַדע, ווייל, אויב די אויסלענדער וועלען האָבען אויכ'ן פּאַסיווער וועניגער רעכט, אָדער די מינדערהייטען, וועלען זיי אָט די רעכט לכל חפצות האָבען א פאַרטיידיגונג דורכ'ן דיפּלאָמאַטישען קאָרפּוס, וואָס וועט קאָנען קאָלעקטיוו אַרויסטרעטען צו פאַרטיידיגען די אָנגערירטע אינטערעסען.

דער אינסטיטוט פון אַזעלכע „אויסלענדער", באַזונדערס אין די קליינע מלוכות, וועט בלי ספק זיין זעהער גרויס. און אַזעלכע „אויסלענדער" וועלען מוזען ווערען אויך דער ריב אידען, וואָס וועלען געבליבען, למשל, אין די גרענעצען פון פּוילען, צו יענער מלוכה. אָבער וואָלען זיי זיך צושרייבען? מען קאָן דאָך ניט גלייבען „אויסלענדער" ווי די רומענישע אידען, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין פאַרטיידיגונג ניט פון [illegible] פון [illegible] צושרייבען צו [illegible] צו [illegible] מיט וועלכער [illegible] האָבען [illegible] אַלע פאַרבינדונגען און צו ווערען [illegible] די פאַרמדינות, און וועלכער [illegible] זיך בלי ספק ניטיגען, צושרייבען זיך צו ענגלאַנד, צו אַמעריקע, וואָס פאַר א פאַרבינדונג האָבען זיי מיט די לענדער און צו וועלען זיי [illegible] צו זיין דער אַנדערער אויכוועג וועט זיין צושרייבען זיך צו דער אינטערנאַציאָנאַלער אידישער קבוצה, וואָס ווערט איצט פּראָיעקטירט אין פּאַלעסטינא און וואָס וועט שטעהען אין פאַרבינדונג מיט'ן אידענטום פון דער גאַנצער וועלט.

דערפאַר וועט אין אַלען ווייג באַשלאָסען ווערען [illegible], אויב א פּאַליאַק, וואָס וואוינט אין אָדעס, וועט האָבען דאָס רעכט צו קלייבען אין וואַרשעווער פּאַרלאַמענט, וועט דער איד, וואָס וואוינט אין וואַרשא און וועלכער איז אינטערעסירט אין די געזעצען פון ירושלימער פּאַרלאַמענט, האָבען וואָהל־רעכט צו אָט דעם פּאַרלאַמענט. אזוי ווי אידען וועט מסתמא זיין מער פון אַראַבער, וואָס וואוינען אין פּאַלעסטינא, וועט די פראַגע פון א מערהייט אין פּאַלעסטינא באַשלאָסען ווערען אויף דעם נאַטירליכסטען אופן.

ס'איז פאַראַן פאַרשטעהט זיך, א סך מניעות ביים דורכפיהרען אָט דעם פּראָיעקט. ס'איז פאַראַן א גאַנצע רייהע פראַגען, וועלכע קאָנען ניט איבער [illegible] אָדער יענע בעמים [illegible] ווערען דורך מענשען, וואָס וואוינען דאָך פאַרבונדען מיט די אינטערעסען פון אַנדערע לענדער. צום ביישפּיל, די פראַגען פון לאַנד [illegible], אָט די פראַגען קאָנען איבערגעשטעלט ווערען אין דער [illegible] געגענט

ביים, וואו די אויסלענדישע ברידער זאָלען קיין אַנטהייל ניט נעמען. אָדער די יורידיקציע פון די אָרטיגע זעלבסט־פאַרוואַלטונגען דאַרף אַביסעל פאַרגרעסערט ווערען און פאַראייניגט ווערען אין געגענט־ביים. העלפען דערצו קאָנען אויך די וואַהל־קרייזען. יעדער קרייז, צום ביישפּיל, פּוילען קלייבט אויס באַזונדער די צאָל דעפּוטאַטען, וואָס נעמט זיך אָן אויף איהר. דאָס דאַרף געמאַכט ווערען צוליב דעם, אַז א קרייז, וואָס איז צאָהליג פאַראינטערעסירט אין'ם אויסגאַנג פון די וואַהלען זאָל ניט באַרירען די אַלע איבעריגע. דערביי דאַרף פאַר פּאַלעסטינא, אלס די צונויפגעזאַמלטע פאַראינטערעסירטע, אויסגעטיילט ווערען א בערך גרויסע צאָל ערטער למשל ניט ווייניגער פון א דריטעל אָדער אַפילו א העלפט. כדי אויסצומיידען א צופעליגען אויסגאַנג פון די וואַהלען דאַרף דאָס וואַהל־רעכט זיין פאַרבונדען מיט א געוויסען צייט־סטאַזש, למשל מען מוז וואוינען אין לאַנד פון 1 ביז 2 יאָהר אָדער זיין א פּאַלעסטינישער בירגער ביז 5 יאָהר. צו די, וואָס וועלען איבערפאָהרען אין משך פון די ערשטע 6 יאָהר נאָכ'ן שליסען דעם אַלגעמיינעם שלום דאַרף אָט די באַגרענעצונג ניט אָנגעווענדעט ווערען.

א באַזונדער אָרט פאַרנעמט די פראַגע וועגען צווייענדיגער אינטערטאַנערשאַפט. די פאַרענטפערונג פון דער פראַגע וועט ווי אָבהענגען פון דער באַציהונג צו איר מצד אַלע לענדער, וואו אידען וועלען וואוינען. בכלל איז די פראַגע זעהר א קאָמפּליצירטע און איז א וועלט־פראַגע, און אונזער באַציהונג צו איר וועט קיין ראָלע ניט שפּילען ביים אָננעמען וואָסער ניט איז באַשלוס. עס קאָן נאָר געשעהן, אַז אויב אין לענדער מיט א גרויסער אידישער באַפעלקערונג וועט צווייענדיגע אינטערטאַנערשאַפט ניט ערלויבט ווערען, וועט מען מוזען אָבזאָגען אין דעם אויך די אידען, פאַר וועלכע די געזעצען פון זייערע לענדער ערלויבען דאָס.

* * *

אויב עס זאָל זיך איינגעבען דורכצופיהרען אין לעבען אָט א פּרינציפּ פון שאַפען א ירושלימער פּאַרלאַמענט, זאָל דער ערשטער שריט פון דער נייער אידישער רעגירונג זיין דאָס שאַפען נייע פּאַרלאַמענטאַרישע פאָרמען, ניט פאָרמען וואָס קאָנען ברענגען צו [illegible] פּאַרלאַמענטען און [illegible] עס באַמיהען זיך אויך א [illegible] מיט [illegible] שטעלען זיך [illegible] פון שלום. און איך [illegible] איז [illegible] אַזא מאָדוס אין פּאַלעסטינא: דורך דעם וועט קלענער די השפּעה פון אַראַבער, וואָס [illegible].

פאַר די אידען איז אַזא פאָרם פון מיטאַרבייטען מיט די אויסלענדישע ברידער היסטאָריש גוט באַקאַנט. ס'איז גענוג צו דערמאָנען די אַכטונג, וואָס דער תלמוד בבלי האָט אַרויסגעוויזען צו די [illegible] פּאַלעסטינישע פראַגען. דאָס אידענטום האָט שטענדיג געצויגען צו איין אַלגעמיינעם צענטער. אַצינד וועט אָט דער צענטער ווערען ניט נאָר אין אידעאַל, נאָר רעאַל אין פּאַלעסטינא, און ס'וועט מקוים ווערען וואָס עס שטעהט געשריבען נאָך אין תלמוד: עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות.

ב. גאָטעסמאַן.

צוויי פראַגען.

מיר, אידען, האָבען אַמאָל ליב צו ענטפערען אויף איין פראַגע מיט א צווייטער פראַגע, וועלכע מיר שטעלען באַלד אויפ'ן אָרט... פילאָסאָפיש גענומען, דוכט זיך, אַז אויף דער ערשטער געשטעלטער פראַגע [illegible] ענטפער, אָבער [illegible] ווערט די [illegible] פון דער פראַגע מטילא אַביסעל שוואַכער. און איך [illegible] אָבער, איז אַמאָל דער בעסטער ענטפער אויף א פראַגע טאַקע דווקא אין נאָר א צווייטע פראַגע.

אָט נעמט אייערע צוויי פראַגען אין אַלוועלטליכען מאַסשטאַב: די פראַגע וועגען אידען אלס א פאָלק און די פראַגע וועגען פּאַלעסטינא אלס א לאַנד. קיינמאָל אין משך פון די לעצטע הונדערטער יאָהרען, איז נאָך ניט געוועזען אַזא נאָהענטער צוזאַמענהאַנג, אַזא סמיכות הפרשיות, צווישען די ביידע, ווי אין איצטיגען מאָמענט, נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע אין ערב דעם סוף פון דער וועלט־מלחמה.

ביז דער איבערקערעניש אין רוסלאַנד איז די אַלוועלטליכע אידישע פראַגע קיינמאָל ניט געשטעלט געוואָרען, ניט נאָר ביי פרעמדע, נאָר אויך ביי א סך פון אונזערע אייגענע. און איר גאַנצער [illegible] די בעסטע אין אייראָפּעאישע מענשען פון א [illegible], ווי צום ביישפּיל אַנאַטאָל פראַנס און אַנדערע האָבען געהאַלטען תמיד די פראַגע פאַר א פילאָסאָפיש־הומאַניטאַרישע און קיינמאָל ניט פאַר א פּאָליטיש־היסטאָרישע: עס האָט זיך אַלע מאָל [illegible] ווייניגען [illegible], ווי צו פאַרמייניגען דעם [illegible] פון מענשען־רעכט פאַר דעם פאַרשקלאַפטען מזרח־אידענטום צו [illegible] איז געוועזען די לאַגע אין צו [illegible] זיינען געוועזען די צווייווילינגע [illegible], און פרעמדע פון דרייפוסיאַנער, אַפילו

אמת'ע גוטע פריינד, זאָלען קענען האָבען די געלעגענהייט אין געדולד צו פאַרשטעהן, אַז אייגענטליך זיינען דאָס נאָר אויסערליכע פאַרבייגעהענדע פאָרמען, און די קראַנקהייט איז בעצם א אינערליכע און א כראָנישע.

ערשט נאָכדעם ווי דאָס שוידערהאַפטע [illegible] איז פאַרשוואונדען אויך אין מזרח, [illegible] ווי אַמאָל אין מערב, ערשט דאַן, ווען אין דעם [illegible] קאָלאָסאַלען רוסלאַנד זיינען אַלע פעלקער געקומען צו זייערע נאַציאָנאַל־[illegible] און דער נאַציאָנאַלער פּרינציפּ איז געוואָרען די ערשטע פּאָליטישע אַקסיאָמע, צו וועלכער עס האָבען זיך געמוזט צופּאַסען אַלע אַנדערע [illegible], ערשט דאַן האָט געמוזט [illegible] ווערען די פראַגע וועגען אידען אלס א נאַציאָן, [illegible] פאָלק באַזונדער [illegible] אַפילו די פראַגע וועגען [illegible] דאָס געקאָנט [illegible] דורך 2—3 [illegible] איבער אונז קאָן אָבער קאָמפּעטענט אויסטראָגען נאָר א אינטערנאַציאָנאַלער טריבונאַל.

אין דער ערשטער אינסטאַנץ האָבען מיר [illegible] די סטאָקהאָלמער סאָציאַליסטישע פאַרקאָנפערענץ האָט די פראַגע ריכטיג אויפגעשטעלט, לײדער אָבער איז די צווייטע אינסטאַנץ, דער [illegible] שלום־קאָנגרעס—אָבגעלענט געוואָרען און די פראַגע איז נאָך דערווייל א פראַגע, און איך פונקט דאָס זעלבע זעהען מיר בנוגע צו פּאַלעסטינא, אלס א טעריטאָריאַלע צווישענפעלקער פּראָבלעם. כל זמן דער „קראַנקער מענש"—טערקיי—איז מסוכן קראַנק געוועזען, זיינען אַלע דיפּלאָמאַטען געוועזען איינשטימיג, אַז די פּאַלעסטינא־פראַגע לויגט פאַר קיינעם ניט אויפצורייען... א פראַגע איז דאָס תמיד געוועזען א שווערע פאַרוויקעלטע און א [illegible]: האָט מען [illegible] נאָך דערווייל בלייבען ביים אַלטען. ס'וועט צייט זיין צו קריגען זיך ביים פונאַנדערטיילען די ירושה, דערווייל וועט דאָך פּאַלעסטינא [illegible] ביי קיינער אינגאַנצען ניט פאַרכאַפּען, אַפילו לויט [illegible] קאָנצעסיעס.. איז אָבער איצט געקומען דער [illegible] פון טערקיי: [illegible] אַהער, [illegible] אָדער [illegible], אויף וועלכען אופן דער [illegible] זאָל זיך ניט ענדיגען, [illegible] איצט צו [illegible] איז שוין מער ניט מעגליך.

טערקען, אלס א טייל פון דער לאַנד־באַפעלקערונג, זיינען אין פּאַלעסטינא קיינמאָל ניט גע־

װעזען, אין קיין קאלאניעס פאר מענשען אדער אינדוסטריע-מאטעריאלען האט זיך טערקיי קיינמאל ניט געניטיגט; אין פאלעסטינא, ווי אויך אין איינינע אנדערע פראווינצען, האט טערקיי געהאט נאר איין כונה: אונטערהאלטען דעם גלייכגעוויכט פון איר אלטער מלוכה-געביידע, װעלכע האט געקענט דורך איין ריר איינגאנצען איינפאלען.

איצט איז דער Status quo ante שוין ס׳-ווי א חלום, די פראגע װעגען פאלעסטינא װעט אפשר שארפער און קאטעגארישער אויפגעשטעלט װערען גראד דאן, װען טערקיי װעט אלס רעזולטאט פון דער מלחמה װערען שטארקער; אויב פאר טערקיי װעט מעגליך זיין ווי ס׳ניט-איז איינהאלטען די צוריקגעווינענע וויכטיגע פונקטען אין קאווקאז און פערער-אזיען, װעט עס הייסען, אז דער טויט-קראנקער איז דורך א נס צוריק געזונד געװארען און מען מוז אננעהמען נייע מיטלען, כדי צו היטען זיך פאר אים און זיינע אפעטיטען... ענגלאנד װעט דאן בשום אופן ניט דערלאזען, אז די דייטש-טערקישע אגרעסיווע פלאנען זאלען זיך אויספלעכטען אין פאלעסטינא, ווי אין א נעסט. אויב דער גערמאנישער „דראנג נאך אסטען" איז דאס מאל ניט געלינגען, איז עס געװעזען נאר צוליב צייטווייליגע סבות, אלענפאלס ניט דערפאר, ווייל דאס איז בכלל ניט מעגליך; דער וועג קיין מצרים און אפילו קיין טורת-אינדיען האט שוין לאנג אנגעװארען זיין אמאליגען ראמאנטישען שלייער. ער קען איצט גאנץ פאזיטיוו רעאליזירט װערען... און ענגלאנד װעט ציהען די מלחמה ביז „אהן א סוף", אדער, אין ערגסטען אופן, װעט זי געהן אויף אלערליי אנדערע פשרות, נאר ניט אויף דער...

פארקערט, װען טערקיי זאל צוזאמען מיט דייטשלאנד נאך ווייטער נידערפאלען, װעט די פראגע װעגען דער „ירושה" אויך ניט איינזייטיג געלעזט װערען.

ס׳איז זעהר כאראקטעריסטיש, אז זינט ס׳איז פובליקירט געװארען די ענגלישע דעקלאראציע װעגען א אידישער פאלעסטינא װערט די פראגע גאנץ אפען און פארהעלטניסמעסיג רוהיג דעבאטירט אין דער ערנסטער דייטשער פרעסע; און רעדען רעדט מען ניט נאר אהן געװעהנליכע דייטשע רשעות, נאר כ׳פעהלט אפילו די ריין-דייטשע תמימות און פרענטליכקייט, גלייך ווי טערקיי וואלט גאר קיין „פארבינדעטע" ניט געװעזען...

מען דערמאנט, אז ענגלאנד האט געהאט זייטיגע חשבונות אין פניות און טוט עס ניט צוליב הוילען הומאניזם; ריכטיג! װער לייקענט עס דען? אין אלגעמיינעם װערט אבער די פראגע װעגען א אידישער פאלעסטינא אויפגעשטעלט אויף א גאנץ פראקטישען און רעאלען אופן.

דייטשלאנד װערט אויס קאלאניאלע מלוכה, מסתמא, אפילו ביי א נצחון; דערפאר, לויט דעם אפמאך מיט אוקראינע, רומעניען און אלטען פארבאנד מיט טערקיי און בולגאריען,—װערט דייטשלאנד פיל מער פארקניפט און פארבינדען מיט׳ן מיטעל-איראפאישען און נאהענטען אזיאטישען דרום-מזרח: דייטשלאנד װעט מער ניט „שפרינגען" איבער ימים, זי װעט זיך „פארשפרייטען" אויף דער יבשה אויפן חשבון פון איהרע שכנים אין מזרח און אין דרום... אין דייטשלאנד אינטערעסירט מען זיך שוין מיט אדעס, װי מיט א פרייען האפען. דאס הייסט מער עקאנאמיש װי פאליטיש; דער גאנצער באהאוסטער „מיטעל-איראפא-אידעאל", אויב ער װעט אנטערען זיין פאליטיש-מיליטאריסטישען װעזען, װעט צוליב עקאנאמיש-געאגראפישע טעמים זיין צו שטארק און לעבענס-פעהיג. מען זאל קענען קעגען אים שטרייטען, ענגלאנד און איהרע פארבינדעטע װעלען מוזען זוכען קאמפענסאציע אין אנדערע ערטער, װי אין כינא און דרום-אמעריקא, װאוהין דייטשלאנד װעט אפשר מער ניט געהן מיט איהר פראדוקציאן, האבענדיג פיל נאהענטערע פלעצער...

און א עקאנאמישע אויפלעבונג פון פאלעסטינא שטימט מיט די אנגעוויזענע דייטשע אינטערעסען: א פאליטישען אינטערעס װעט דייטשלאנד האבען נאר א נעגאטיװען—ניט דערלאזען אהין אלס הערשערין ענגלאנד. א אידישע פאלעסטינא, װעלכע װעט קאנסטרואירט װערען לויט א אינטערנאציאנאלען אפמאך קען באפרידיגען בײדע הויפט-צדדים: אין זוא לעזונג פון דער פראגע װעלען זיין פאראינטערעסירט אויך די פאראייניגטע שטאטען, װי אויך פראנקרייך, װעלכע האט שוין אויך איצט דארט עטוואס צו שטעקען, און אויך... מיר, אידען, די איינציגע היסטארישע בעלי-בתים פון לאנד...

מ. זינגער.

ציוניסטישע ראטמענער!

גרייט זיך צום צוזאמענפאהר פון די אידישע קהלות. װענדעט זיך צום נאציאנאל-ראט און צו דער קיעווער קהלה!

דער קריזיס פון דער אידישער אווטאנאמיע

ערב דעם אבשאפען פונ׳ם אידישען מיניסטעריום.

זייט דער לעצטער איבערקערעניש געפינט זיך דאס אידישע מיניסטעריום אין א משונה׳דיגען מצב. די לאגע איז אומקלאר און קיינער ווייסט ניט, װאס װעט בכלל זיין מיט׳ן מיניסטעריום. צוליב דער געשאפענער לאגע האט דער אידישער מיניסטער און דער וויצע-מיניסטער ניט געהאט מער די מעגליכקייט אנצופירען װייטער מיט דער ארבעט פון מיניסטעריום. די גאנצע ארבעט װערט אנגעפירט בלויז דורך די דירעקטארען פון די דעפארטאמענטען, װעלכע שטעהען ניט אין פארבינדונג מיט דער רעגירונג. עס קומט אויס צו ארבעטען אין זעהר א שװערער אטמאספער און קיין מיטלען זיינען אויך ניטא: די לעצטע אסיגנאציעס װערען שוין ניט ארויסגעגעבען.

לויט די לעצטע ידיעה׳ת האט דער מיניסטער-ראט אנגענומען א באשלוס אבצושאפען די נאציאנאלע מיניסטעריומס און איבערגעגעבען דער מלוכה-קאנצעלאריע אויסארבעטען א געזעצפראיעקט װי מען איבערגעבען די מיניסטעריומס.

מיינונגען פון פאליטישע טוער.

דער געוועזענער מיניסטער פאר רוסישע ענינים ד. מ. אדינעץ האלט, אז דאס אבשאפען פון די נאציאנאלע מיניסטעריומס װעט זיין א שטארקער קלאפ פאר דער נאציאנאל-קולטורעלער זעלבסט-פארװאלטונג. אפילו װען עס װעט בטל װערען די נאציאנאל-פערסאנאלע אווטאנאמיע מוזען אויך בלייבען ספעציעלע נאציאנאלע סעקרעטארען פאר די ענינים פון באזונדערע פעלקער, מיט װעלכע דאס איינערן מיניסטעריום קאן זיך בשום אופן ניט פארנעמען.

דער אנגעזעהענער סאציאל-דעמאקראט יעלאטשיטש זאגט זיך אויך ארויס קעגען אבשאפען די מיניסטעריומס, װאס קאן נאר ברענגען דערצו, אז די נאציאנאלע ענינים זאלען געפירט װערען אהן א סדר, עס זאלען זיך אנהויבען אינטריגעס און נאציאנאלער האס.

דער קאדעט קרופנאוו טיילט אויס די פראגע פון רוסישען מיניסטעריום באזונדער, ווייל לויט זיין מיינונג איז קיין גרויסער חילוק צווישען די אוקראינער און רוסישע ניטא.

נאך דער פראפ. באנאיעװסקי (שולנינאוועץ) האלט, אז אין א קאנסטיטוציאנעלער מלוכה דארף מען ניט אויסטיילען באזונדער די נאציאנאלע ענינים.

פאר דער נאציאנאלער אווטאנאמיע.

מאנטאג ביינאכט איז פארגעקומען א זיצונג פון דער „שקילנא ראדא" (דער ראט װעגען די שולען אין אוקראינע), אין װעלכער ס׳האט זיך געזאלט באטייליגען דער בילדונג-מיניסטער װאסילענקא און אויף װעלכער ס׳האט געדארפט באטראכט װערען די פראגע װעגען דער ווייטערדיגער שול-פאליטיק פון דער מלוכה. ה׳ װאסילענקא איז אבער ניט געקומען און „שקילנא ראדא" האט אין צוזאמענהאנג מיט דער מעלדונג װעגען דעם, אז די נאציאנאלע מיניסטעריומס װערען אבגעשאפט, אנגענומען אן איינשטימיגען באשלוס, אז אהן דער פארווירקליכונג פון דער נאציאנאל-פערסאנאלער אווטאנאמיע קאן זי ניט ארבעטען, ווייל עס איז ניט מעגליך קיין שום נארמאלע שול-ארבעט אין אוקראינע.

אונטערהאנדלונגען צווישען פארטייען.

אין א פאר טעג ארום נאך דער איבערקערעניש, װען ס׳איז קלאר געװארען, אז די אוקראינישע פאלקס-מאכט האט אבגעטראטען איהר ארט דער מאכט פון העטמאן, און די רעאקציע האט גענומען אין איהרע הענט די פאליטישע הנהגה אין לאנד, האבען זיך אין קיעוו אנגעהויבען פארהאנדלונגען צווישען די אידישע פארטייען װעגען א געמיינזאמער ארבעט, דערהויפט װעגען דעם אריינטרעטען פון די ציוניסטען אינ׳ם נאציאנאל-ראט. די פארמיטלונג האט אויף זיך גענומען די פאלקס-פארטיי, װעלכע האט פלוצלינג אנגענומען א נייע אריענטאציע און אנערקענט די ריכטיגקייט פון דער ביזאיצטיגער ציוניסטישער פאזיציע. די ציוניסטישע פארטרעטער האבען איבערגע׳חזרט די באקאנטע פאדערונגען. זיי האבען געזאגט: אין משך פון איין חודש דארף צוזאמענגערופען װערען דער ועד הקהלות, װעלכער מוז שפילען די ראליע פונ׳ם אידישען פארפארלאמענט, דערווייל דארף דער נאציאנאל-ראט איבערגעבויט װערען אויף פראפארציאנעלע יסודות. די ציוניסטען האבען װייטער געפאדערט, אז דער פארפארלאמענט זאל באשטעהען בלויז פון געװעהלטע קהלות פארשטעהער אהן 50 באשטימטע פארטיי-

פאַרטרעטער, ווי ס'האָבען פאָרגעלייגט די סאָצי-אַליסטען, ווענדענדיג אויף אזא אופן מיט דער „פאָלקס-פּאַרטיי" צוזאַמען אומבאדינגט האָבען די מערהייט. די „פאָלקס-פּאַרטיי" האָט אָבער לסוף גע-שטיצט די ציוניסטישע פאָדערונגען.

דער פּרעזידיום פונ'ם אַלטען נאַציאָנאַל-ראַט האָט זיך געהאַט אָפּגעזאָגט צו ערפילען די ראַזיגע פאָדערונגען. נאָר נאָך לאַנגע וואַקלונגען איז ער אָנגעגאַנגען סוף-כל-סוף אויף די ציוניסטישע באַ-דינגונגען; בלויז די „פאַראייניגטע" האָבען ניט געוואָלט געהען אפילו אויף די קלענסטע פּשרה, „סאַבאָ-טירענדיג" די פאַרשטענדיגונג.

ניט קוקענדיג אויף דעם אָפּזאָגם סאַבאָטאַזש פון די „פאַראייניגטע" זיינען די ציוניסטישע פאָדע-רונגען אָנגענומען געוואָרען. ס'איז געשאַפען געוואָ-רען אַ קאָמיסיע, וועלכע האָט זיך פאַרנומען מיט איבערעכענען די צאָל שטימען, וואָס יעדע פּאַרטיי האָט באַקומען בעת די וואַהלען. ניט קוקענדיג דע-ריוף, וואָס מ'האָט זיך געטריבען בלויז מיט די קהלה וואַהלען, ניט נעמענדיג דערביי אין אַכט אַלע בעלי בית'אישע און [illegible] ניט קוקענ-דיג אויף דעם מאַנגעל אין [illegible] פון [illegible] פון דרום אוקראינע [illegible] די ציוניסטען האָבען די מערהייט [illegible] אויך דאָס [illegible] אָנגערעכענט די [illegible] פון די [illegible] וואַהלען אין בערדיטשעוו [illegible] אַ [illegible] די ציוניסטען קומט [illegible] 11 [illegible] 13, דער פאָלקס-פּאַרטיי 7 [illegible] די סאָציאַ-ליסטען [illegible] 33. נאָר די סאָציאַליסטען האָבען ניט גע-וואָלט איבערגעבען דעם נאַציאָנאַל-ראַט אַפילו אויף יסוד פון די ראַזיגע [illegible] האָבען [illegible] באַקומען [illegible] אין אַ [illegible] מערהייט.

אָנערקענענדיג די [illegible] געראָהט ביי דער [illegible] אויטאָנאָמיע [illegible] די ציוניסטען [illegible] הנהגה [illegible] האָבען [illegible] זאָל פאַרקירצען די פאָרשטעהערשאַפט פון „אחדות ישראל" ביז 6 [illegible] 40 אין די [illegible] 30 [illegible] פאַרטיילען צווישען די איבעריגע פּאַרטייען, אויף אַזאַ מין אופן [illegible] אין נאַציאָנאַל-ראַט אַ גלייכגעוויכט. די לעצטע פּשרה איז אָנגענו-מען געוואָרען פון אַלע פּאַרטייען, נאָר ביי דער אָבשטימונג בנוגע צו די 6 [illegible] 10 [illegible] פאַר אחדות האָבען זיך די ס"ד [illegible] אָבגעהאַלטען.

רעוואָלוציע פונ'ם ציוניסטישען צענט-ראַל-ביוראָ פאַר אוקראַינע.

1) דאָס צענטראַלע ביוראָ האַלט פאַר לחלוטין ניט מעגליך דאָס אַריינטרעטען פון אַ מיטגליד פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אינ'ם איצטיגען מיניסטעריען-קאַבינעט, אין וועלכען ער וואָלט גע-טראָגען די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער אַלגעמיי-נער פּאָליטיק פון דער רעגירונג.

2) כדי אָבער צו ראַטעווען די אידישע אויטאָ-נאָמיע און אירע צענטראַלע אָרגאַנען באַשליסט דאָס צענטראַל-ביוראָ, אַז מיטגלידער פון דער ציו-ניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע וועלען פּערסאָנאַל אָנגעמערקט אַלס קאַנדידאַטען אויף דעם פּאָסטען פון אַ מיניסטער פאַר אידישע ענינים, דאַרפען ער-קלערען, אַז זיי באַטראַכטען זיך נאָר אַלס צייטווייליגע פאַרטרעטער פון דער אידישער נאַציע און באַטייליגען זיך נישט אין דער אַלגעמיינער פּאָלי-טיק פונ'ם מיניסטעריען-ראַט. זיי פאַרלאַנגען פאַר זיך שטים-רעכט בלויז אין פראַגען פון זייער ספּע-ציעלער קאָמפּעטענץ, ד. ה. אין ענינים וואָס שייכען נאָר דער אידישער נאַציע.

3) ביי דער [illegible] באַדינגונגען האַלט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פאַר מעגליך, אַז אי-דער אַ מיטגליד זאָל פאַרנעמען דעם פּאָסטען פון אַ פאַרטרעטער פונ'ם מיניסטעריום פאַר אידי-שע ענינים איבער די קאַנדידאַטור [illegible] באַשטי-מען [illegible] פון דער [illegible] אין דעם צייטווייליגען אידישען נאַציאָנאַל-ראַט.

4) דער [illegible] פונ'ם מיניסטעריום באַטראַכט זיך אַלס צייטווייליגער פאַרטרעטער פון דער אידישער נאַציע ביז [illegible] פון די קהלות [illegible] אַ [illegible] אויף דעם פּאָסטען [illegible] אידישען [illegible]

[illegible] פון דער [illegible] נאַציאָנאַל-ראַט.

דעקלאַראַציע פון דער ציוניסטישער פראַקציע אין נאַציאָנאַל-ראַט.

[illegible] ביז מאַ-מענט [illegible] פון דער [illegible] אין דעם צייטווייליגען אידישען נאַציאָנאַל-ראַט, אין פולען באַוואוסטזיין פון דער [illegible] פון [illegible] נאַציאָ-

נאַלער פּאָזיציע פאַרענדיגט זי מיט אַט דעם אַקט דעם לאַנגען און שווערען קאַמף, וואָס איז געפירט געוואָרען דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פאַר אַ מאַכטער, איינהייטלעכער פאַרטרעטונג פון די אינטערעסען און פאָדערונגען פונ'ם אוקראַינישען אי-דענטום.

נאָך אין האַרבסט פון פאָריגען יאָר האָבען מיר באַגריסט די אידעע פון שאַפען אַ נאַציאָ-נאַל-ראַט, זעהענדיג אין איהם אַ צענטראַליגען אָרגאַ-נאַן וואָס זאָל שטעהן בראש פונ'ם אוקראַינישען אידענ-טום און די אָרגאַנען פון זיין נאַציאָנאַלער אויטאָ-נאָמיע.

די אידישע סאָציאַליסטישע „רעגירונגס"-פּאַרטייען, וואָס זיינען דאַמאָלס געווען שטאַרק דורך זייערע פאַרבינדונגען מיט די אָנפירענדע אוקראַי-נישע קרייזען, האָבען אָבער הויב געמאַכט דעם צוזאַמען אין פּרוכטבאַרען קערן פון אַט דער אידעע. דער נאַציאָנאַל-ראַט איז דורך זיי געבויט געוואָרען אויף יסודות, וואָס האָבען איהם פאַרוואַנ-דעלט אין אַ פאַלסיפיקאַציע פון אַן אמת'ער נאַציאָנאַלער פאַרטרעטונג. אַפילו אַ צייטווייליגער [illegible] זיי האָבען איגנאָרירט די עלעמענטאַרע דעמאָ-קראַטישע פּרינציפען און די ריכטיגע כחות פאַרהעלטנישען אינ'ם פאָלק.

צום באַטייליגען זיך אין יענעם נאַציאָנאַל-ראַט זיינען גערופען געוואָרען נאָר 5 אידישע „פּאָ-ליטישע פּאַרטייען": בונד, פ"צ, פאַראייניגטע, פאָלקס-פּאַרטיי און ציוניסטען. די איבעריגע עלעמענטען זיינען באַזייטיגט געוואָרען פון דער אַרבייט. און די איבערגעבליבענע פּאַרטייען האָבען באַקומען אין נאַ-ציאָנאַל-ראַט אַ גלייכע פאָרשטעהערשאַפט אומאָב-הענגיג פון דער צאָל אָנהענגער און זייער ספּעצי-פישען געוויכט אין דער אידישער געזעלשאַפט-ליכקייט.

די [illegible] אין [illegible] געשאַפען געוואָרען אין נאַציאָנאַל-ראַט אַ [illegible] סאָציאַליסטי-שע מערהייט, וואָס האָט [illegible] אייגענעם ווילען באַשטאַנען [illegible] פון דעם אידישען נאַ-ציאָנאַל [illegible] ווי דאָס האָ-בען באַוויזען [illegible] אַלגעמיינער [illegible] אין אוקראַינע [illegible] צום אַלרוסלענ-דישע אידישען [illegible] אין די קהלות, אַ [illegible] מערהייט אין אוקראַינישען אין ענינים, האָט אָט די סאָציאַליסטישע מערהייט זיך ניט געריכטעט [illegible] פון דער אידישער נאַציאָן און געפירט [illegible] פאַרטייאישע פּאָ-ליטיק, וועלכע האָט זיך ניט געשטיצט אויף די ברייטע פאָלק-מאַסען און ניט אויסגעדריקט פאָלקס [illegible] מיינונגען און אינטערעסען.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָב-געזאָגט מיטצומאַכען אַזאַ מין פּאָליטיק, זי האָט זיך אָבגעזאָגט אַריינצוגעהן אין אַזאַ מין נאַציאָנאַל-ראַט. זי האָט געפאָדערט תיכף צונויפצורופען די אידישע גרינדונגס-פאַרזאַמל., אַלס אַ פולבערעכטיגען ווילענס-אויסדריקער פונ'ם אוקראַינישען אידענטום. ווען די פּאָליטישע געשעהענישען האָבען אָבער געמאַכט פאַר אומעגליך תיכף צו פאַרווירקליכען אַט דעם לאָזונג, האָט זי אַרויסגעשטעלט אַ פאָדערונג צונויפצורופען אַ צוזאַמענפאַר פון די נייע אידישע דעמאָקראַטישע קהלות, וואָס זאָל ערפילען די אויפגאַבען פון אַ פאַר-לאַמענט. ביז זיין צונויפרופען האָט זי געפאָדערט אַ רעקאָנסטרוקציע פון נאַציאָנאַל-ראַט אויפ'ן יסוד פון פּראָפּאָרציאָנעלער פאָרשטעהערשאַפט פון די פּאַרטייען, וואָס גייען אין איהם אַריין און צוציהען די פאָרשטעהערשאַפט פון יענע עלעמענטען, וועלכע זיינען ביז איצט ניט געוועזען אין איהם פאָרגעשטעלט.

האַלטענדיג זיך פעסט ביי דער באַקומענער מאַכט האָט די סאָציאַליסטישע מערהייט פון נאַצי-אָנאַל-ראַט זיך קאַטעגאָריש אָבגעזאָגט צו פאַרווירק-ליכען אַט די פאָדערונגען, מאָטיווירענדיג זייער האַלטונג מיט די געזעצען פון דער רעוואָלוציאָנס-צייט, מיט דער נייטיגקייט צו האָבען פאַר זיך אַ מערהייט.

די רעזולטאַטען פון אַזאַ מין [illegible] פּאָליטיק האָבען [illegible] אינ'ם קריטישען מאָמענט פון [illegible] איבערקערעניש, ווען דער [illegible] אויטאָנאָמיע און אַלע אירע אינסטיטוציעס האָט [illegible] דראָהען אַ רעאַלע סכנה, [illegible] פון די פּאָלק-מאַסען און געפי-נענדיג זיך אין אַ אַטמאָספער פון [illegible] ענינים איז דער נאַציאָנאַל-ראַט אין זיין אַלטער צוזאַמענשטעל [illegible] צו קאָנצענטרירען [illegible] פון דער נאַציאָ[illegible] כדי צו [illegible] פאַר די נאַציאָנאַלע דער-גרייכונגען [illegible] זיינע [illegible] זיך צו [illegible] איבער דעם [illegible] פון דער אידישער נאַציאָן אין [illegible] דער [illegible] דעמאָקראַטישער מאַסען פון פאָרשטעהערשאַפט האָט [illegible] איצט געצוואונגען זיך צו האַלטען [illegible] פון [illegible] נאַציאָנאַל-ראַט. זיי זיינען געצוואונ-גען [illegible] צו [illegible] ניט שטייענדיג ווי אין אַ [illegible], זאָל צונויפגערופען ווערען דער קהלות-צוזאַמענפאָר און דער נאַציאָנאַל-ראַט זאָל רעקאָנסטרואירט ווערען פּראָפּאָרציאָנעל, לויט די רעזולטאַטען פון די וואַהלען אין די קהלה-ראַטען.

אָנערקענענדיג די נאָענטע ערנסטקייט און פאַר-אַנטוואָרטליכקייט פונ'ם איצטיגען מאָמענט, זעהענדיג

או די אוטאָנאָמיע געפינט זיך אין סכנה, האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין די אינטערעסען פון נאַציאָנאַלע דערגרײַכונגען נעגאַנגען אויף אלע הנחות, כדי צו שאַפען א מעגליכקײַט צום מיטאַרבעטען פון אלע גרופען און פּאַרטײַען אינ'ם אידענטום. זי האָט ניט גערעכענט פאר מעגליך אין דעם מאָמענט אבזאָגען זיך ארײַנצוטרעטען אין דעם רעקאָנסטרואירטען נאַציאָנאַלראַט, הגם אויך די איצטיגע פאַרטײַלונג פון די פלעצער אין דעם נאַציאָנאַל-ראַט איז גאַנץ ווײַט פון די ווירקליכע כחות-פאַרהעלטנישען.

ניט צוליב פּאַרטײַאישער פּאָליטיק טרעט די ציוניסטישע פראַקציע ארײַן אין נאַציאָנאַלראַט. איר זאַכליכע פּראָגראַם שטרעבט צו פאַראײַניגען אלע שעפערישע עלעמענטען פון נאַציאָנאַלראַט וועלכע זײַנען ניט פאַרבלענדעט דורך פּאַרטײַאישער עקשנות.

פאר איר צענטראַלער אויפגאַבע אין דער נאָהענסטער צײַט שטעלט די ציוניסטישע פראַקציע דאָס צונויפרופען אין משך פון א חודש, צוזאַמען מיט'ן קיעווער קהלה-ראַט, דעם קהלות-צוזאַמענפאָר, וועלכער זאָל שאַפען דעם צײַטווײַליגען אידישען פאַרפּאַרלאַמענט.

די וואַהלען דאַרפען דורכגעפירט ווערען ניט שפּעטער ווי אין דרײַ וואָכען ארום מיט דעם באַדינג, אז אויב די אויבערליכע אומשטענדען וועלען מאַכען פאר אונמעגליך צונויפרופען דעם צוזאַמענפאָר אין באַשטימטען טערמין, זאָל דער נאַציאָנאַלראַט רעקאָנסטרואירט ווערען לויט די רעזולטאַטען פון יענע וואַהלען.

אין דער איצטיגער איבערגאַנגס-צײַט וועט די פראַקציע שטרעבען צו פאַרהיטען און פאַרפעסטיגען אלע אינסטיטוטען פון דער נאַציאָנאַלער אווטאָנאָמיע, בראָש פון וועלכער עס דאַרף זײַן א סטאַטס-סעקרעטאַר פאר די ענינים פון דער אידישער נאַציאָן בײַ דעם מיניסטאָרען-קאַבינעט, וואָס איז פאַראַנטוואָרטליך פאר'ן נאַציאָנאַלראַט, נעמט אבער אויף זיך קײַן פאַראַנטוואָרטליכקײַט פאר דער אַלגעמײַנער פּאָליטיק פון דער רעגירונג.

די וואַהלען אין אלע קהלות דאַרפען אומבאַדינגט פאַרענדיגט ווערען אין דער נאָהענסטער צײַט און עס מוזען אויסגעאַרבעט ווערען געזעצפּראָיעקטען פון צוואַנגס-שטײַער.

אָט די אלע צײַטווײַליגע טעכנישע אויפגאַבען, וואָס דאַרפען פאַרפעסטיגען אונזערע אווטאָנאָמיע, טאָרען אָבער ניט אָבריזקען אין א זײַט די אי

רעע פון צונויפרופען א אידישע גרינדונג-פאַרזאַמ לונג אין אוקראַינע, אלס דעם אײַנציגען פולבאַרעכ טיגטען ווילענס-אויסדריקער פון דער אידיש באַפעלקערונג. דעם קאַמף פאר א אידישער גרינ דונג-פאַרזאַמלונג און פאר שאַפען די באַדינגונג צו איר צונויפרופען שטעלט די פראַקציע פאר אי גרונד-אויפגאַבע.

מיט דער דאַזיגער באַוואוסטזיניג באַגרענצטע פּראָגראַם טרעט ארײַן די ציוניסטישע פראַקצי אין נאַציאָנאַל-ראַט, וועלכער פאַרמאָגט ניט קײַ פעסטע און זיכערע מערהײַט. זײַענדיג די גרעסט פראַקציע אינ'ם נאַציאָנאַלראַט רופט זי צום מיט ארבײַטען אלע איבעריגע גרופען און פּאַרטײַען, כד צו פאַרהיטען אין איצטיגען שווערען מאָמענט די דערגרײַכונגען פון דער נאַציאָנאַלער אווטאָנאָמי און דערפירען דאָס אידענטום פון אוקראַינע בי דער נאַציאָנאַלער גרינדונג-פאַרזאַמלונג.

אין אידישען נאַציאָנאַל-ראַט.

אויף דער זיצונג פון 6-טען מאי האָט דע מיניסטער פאר אידישע ענינים ח. לאַצקי אַרײַנגע טראָגען א מעלדונג, אין וועלכער ער ערקלער אז צוליב דער לעצטער פּאָליטישער איבערקערעני קאָן ער ווײַטער ניט אָנפירען מיט'ן אידישען מיני סטעריום. אינ'ם נאָמען פון דער פאָלקס-פּאַרט ווערט אַרײַנגעטראָגען א פאָרשלאָג, אז כדי צו פאַ שטאַרקען און צו באַשיצען די אידישע אווטאָנאָמ אין אוקראַינע, וועלכע געפינט זיך איצט אין גרויסער סכנה, דאַרף דער נאַציאָנאַל-ראַט איבער געבויט ווערען אויף אזוינע יסודות, אז אין א זאָלען קענען אַרײַן די ציוניסטען אין א גרעסער צאָל און עס זאָלען אויך אַרײַנגעהן פאָרשטעה פון „אחדות ישראל".

אין די דעבאַטען וועגען אָט די מעלדונג האָבען זיך באַטײַליגט פאָרשטעהער פון אלע פראַ ציעס.

קראָסני (פאָלקס-פּאַרטײ) ווײַזט אָן, אז אידישע אווטאָנאָמיע געפינט זיך אין א גרויס סכנה און עס דאַרף דעריבער וואָס גיכער געשאַפ ווערען אַן אײַנהײַטליכער אידישער פראָנט.

זרובבל (פ"צ) זאָגט זיך אויך ארויס פ דער איבערבויאונג פונ'ם נאַציאָנאַל-ראַט און רו די דעמאָקראַטיע צו באַשיצען די עראָבערונגען דער רעוואָלוציע.

גראָסמאַן (ציוניסט): מיר האָבען זיך שט דיג באַצויגען פּאָזיטיוו צו דעם נאַציאָנאַל-ראַט א אינסטיטוציע; מיר האָבען אָבער געמוזט אָנגעמ

נעגאַטיווע פּאָזיציע צו איר אינהאַלט, צו איר צוזאַמענשטעלונג, וועלכע האָט ניט אַנטשפּראָכען די ווירקליכע כחות-פאַרהעלטנישען אויף דער אידישער גאַס. מיר רעכענען זיך מיט דער געשאַפענער לאַגע און זײַנען גרייט אָנצונעמען דעם פאָרשלאָג פון דער פאָלקס-פּאַרטײ און פאָדערן פאר אונזער פּאַרטײ מינדערסטענס 40% און פאר „אחדות" 10% פלעצער, שטיצענדיג זיך אויף אָביעקטיווע סמנים — אויף דער צאָל שטימען בײַ די וואַהל-קאַמפּאַניעס. מיר געפינען, אז געגען יענע אומפאַראַנטוואָרטליכע גריפען, וואָס הײַלען איצט ווערען די בעלי-בתים איבער די אידישע מאַכען, מוז וואָס גיכער אַוועקגעשטעלט ווערען א פעסטע אינסטאַנציע, וואָס באַנעמט אלע פּאַרטײַען פון דער אידישער געזעלשאַפטליכקײַט. דער מיטעל צאָל פון די וואַהלען צום אידישען צוזאַמענפאָר און פון די קהלות ווײַזט, אז מיר האָבען מער פון 42% פון אלע שטימען, „אחדות" מער פון 13%. מיר געהען אויף א פּשרה, אזוי ווי דאָס איז אויך פאָרגעקומען אין פּעטראָגראַד. לויט די לעצטע ידיעות איז דאָרט געשאַפען געוואָרען א אידישער נאַציאָנאַל-ראַט, אין וועלכען די ציוניסטען האָבען אָנגענומען 60% פון אלע פלעצער, ווי עס קומט זיי לויט די וואַהל-שטימען, אײַנגעשטימט צו באַקומען 40% פלעצער; מיר געבען דא א הנחה און פאָדערן ניט מער פון 40% פלעצער. כדי צו שאַפען א גלײַכגעוויכט איז אונז אָבער קײַן חילוק ניט ווי די אַנדערע פּאַרטײַען וועלען זיך פאַרטראָטען אינ'ם נאַציאָנאַל-ראַט און מיר פאָדערען פאר „אחדות" 10% פלעצער.

די קאָמפּעטענץ און אויפגאַבען פונ'ם נאַציאָנאַל-ראַט דאַרפען זײַן געווענדעט נאָר כלפּי חוץ; ער דאַרף אָבער אינוועניג אינ'ם אידישען לעבען דערווײַל ניט שאַפען קײַן אָבליגאַטאָרישקײַט בײַ עס וועט ניט צונויפגערופען די אידישע גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אין אוקראַינע. מיר באַטראַכטען דעם איצטיגען נאַציאָנאַל-ראַט פאר א צײַטווײַליגען אָרגאַן, וואָס דאַרף זעהען וואָס גיכער צונויפרופען די אידישע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג, אָדער אויב דאָס איז פאָרלויפיג אונמעגליך, א פאָרפּאַרלאַמענט אין וועלכען עס זאָלען זיך באַטײַליגען די פאָרשטעהער פון די אידישע קהלות.

ליטוואַק (פאַראײַניגטע) האַלט א לאַנגע רעדע, אין וועלכער ער זאָגט זיך ארויס געגען איבערפירען דעם נאַציאָנאַל-ראַט לויט דעם אָרגעלעגטען מאַרום. דער לײַט-מאָטיוו איז פאָלגענדער: די סאָציאַליסטען דאַרפען פרײַוויליג ניט אַרויסלאָזען די מאַכט פון זייערע הענט און איבערגעבען זי דער בורזשואַזיע. מיר קענען ניט זײַן קײַן אויסנאַם. זאָל זײַן וואָס זאָל זײַן.

ראַפעס (בונד) באַהויפּט, אז איצט וועלען די סאָציאַליסטען ניט קאָנען אײַנהאַלטען אלע זייערע פּאָזיציעס און כדי פאַרט עפּיס ראַטעווען פון דער אידישער אווטאָנאָמיע דאַרף מען נאָכגעבען די פאָדערונג פון די ציוניסטען און זיי געבען 40 פּראָצענט פלעצער. דער רעדנער זאָגט זיך אָבער ארויס געגען געבען 10 פּראָצענט פאר „אחדות", פאר וועלכער ער פאָדערט עפּיס ווינציגער פון דער צאָל.

נאָך די רעדעס פון פּר' גרינבערג (בונד), רעוואוצקי (פ"צ), טשערניכאָוו (פאָלקס-פּאַרטײ) א. א. איז דורכ'ן נאַציאָנאַל-ראַט אָנגענומען געוואָרען דער פאָרשלאָג פון דער פאָלקס-פּאַרטײ מיט פאָלגענדע פּרינציפּען: א) איבערבויען דעם נאַציאָנאַל-ראַט, וועלכער זאָל פון איצט אָן באַשטעהען פון 60 פּערזאָן, ב) אײַנטײַלען 90% (54 פּלעצער) לויט פאָלגענדען אופן: 24 ציוניסטען, 10 בונדיסטען 8 פאַראײַניגטע, 7 פ"צ און 5 פון פאָלקס-פּאַרטײ, ג) די איבעריגע 10 פּראָצענט פלעצער פאַרטײַלען אויף דער קומענדיגער זיצונג, ד) אַרײַננעמען אין נאַציאָנאַל-ראַט פאָרשטעהער פון „אחדות".

וועגען פּאָליטישען מאָמענט איז אָנגענומען געוואָרען די רעזאָלוציע, וואָס איז אַרײַנגעטראָגען געוואָרען דורך די פאַראײַניגטע, אין וועלכער עס ווערט כאַראַקטעריזירט די נײַ געשאַפענע לאַגע און די אַרבעטערשאַפט ווערט גערופען צו פאַרהיטען די דערגרײַכונגען פון דער רעוואָלוציע.

אויף דער זיצונג פונ'ם 13-טען מאי איז באַהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע וועגען דער געשאַפענער לאַגע און עס זײַנען פאַרטײַלט געוואָרען די איבעריגעבליבענע 6 פלעצער (10 פּראָצ.), וואָס זײַנען נאָך ניט געווען באַזעצט.

עס זײַנען אַרויסגעטראָטען מיט רעדעס פאָרשטעהער פון די פראַקציעס: טשערניכאָוו, לאַצקי (פאָלקס-פּאַרטײ), שאַץ, ליטוואַק (פאַראײַניגטע), זרובבל (פ"צ), בערג (בונד).

נאָך די פראַקציאָנעלע ערקלערונגען איז באַשלאָסען געוואָרען אַרויסלאָזען אַן אויפרוף צו דער אידישער באַפעלקערונג זי זאָל מיט אלע מעגליכקײַטען זיך שטעלען אויף דער וואַך פון דער אידישער אווטאָנאָמיע, וועלכער עס דראָהט איצט א שטאַרקע סכנה.

די 6 פרײַע פלעצער איז באַשלאָסען געוואָרען געבען דער פּאַרטײ „אחדות ישראל". פון שטימען דעם לעצטען באַשלוס האָבען זיך די סאָציאַליסטישע פּאַרטײַען אָפּגעהאַלטען. די פאָלקס-פּאַרטײ האָט געשטימט פאר דעם פאָרשלאָג. די ציוניסטען האָבען זיך אין דער זיצונג ניט באַטײַליגט.

עס איז אויך אנגענומען געוואָרען א באשלוס, אז ענדערן דעם סטאטוט וועגען פארפארלאמענט, די וואהל-תקנות צו אים און צו דער אידישער גרינדונגס-פארזאמלונג ווי אויך דעם פרינציפ פון פאראנטוואָרטליכקייט פון אידישען מיניסטער פאר'ן נאציאנאל-ראט קאן מען אינ'ם נייעם נאציאנאל-ראט נאר מיט א מעהרהייט פון צוויי דריטעל שטימען פונ'ם גאנצען נאציאנאל-ראט.

אין דעם רעקאנסטרואירטען נאציאָנאל-ראט.

דעם 19-טען מאי איז פארגעקומען די ערשטע זיצונג פונ'ם רעקאנסטרואירטען נאציאנאל-ראט, וועלכער באשטעהט פון 60 מאן. צוערשט איז אויסגעוועהלט געוואָרען א פרעזידיום פון פאלגענדע פערזאנען: קאפלאן, הינדעס און זלאטאפאלסקי — ציוניסטען, לאצקי — פאלקס-פארטיי, אראנסאן — „אחדות", זילבערפארב — פאראייניגטע, גארבער — פ"צ, דושקאן — בונד. די זיצונגען וועלען אנגעפירט ווערען לויט א סדר דורך אלע מיטגלידער פון פרעזידיום.

וכוחים האט אויסגערופען די פראגע וועגען דעם צי זיינען די באשלוסען פונ'ם פריהערדיגען נאציאנאלראט אבליגאטאריש פאר'ן נייעם. אין נאמען פון די ציוניסטען האט ה' קאפלאן ערקלערט, אז בנוגע צום סטאטוט פון פארפארלאמענט און פון דער אידישער גרינדונגס-פארזאמלונג איז מען ניט מחויב צו פאלגען די באשלוסען פונ'ם פריהערדיגען נאציאנאלראט. נאך דער ערקלערונג זיינען ארויסגעטראטען פארשטעהער פון די איבעריגע פארטייען און ארויסגעשטעלט פארדערונגען, אז די באשלוסען וועגען ענדערונגען אין סטאטוט פון פארפארלאמענט און גרינדונגס-פארזאמלונג זאלען גענענדערט ווערען נאר מיט א מעהרהייט פון צוויי דריטעל שטימען, ווי דאס איז אנגעוויזען. אז אויב דאס וועט ניט געשעהען, וועלען זיי אבריפען זייערע פארשטעהער פונ'ם פרעזידיום און וועלען זיך באטראכטען אלס אפאזיציע.

גראסמאן (ציוניסט) ערקלערט אין נאמען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, אז קיין שום התחייבות אין דעם פונקט האבען די ציוניסטען אויף זיך ניט גענומען, קיין אבמאך איז ניט געשלאָסען געוואָרען. מען האט בלויז געפירט אונטערהאנדלונגען אין דער אלטער נאציאנאל-ראט האט אנגענומען תקנות אין די ציוניסטען, וועלכע זיינען אבער, מפני פולן ערשטען און לעצטען פונקט וועגען פארפארלאמענט זיינען די ציוניסטען מסכים בלויז מיטן הויפט וואהל-מאדוס, אז עס זאלען וועהלען די ראטסמענער פון די קהלות, די איבעריגע פונקטען מוזען איבערגעקוקט ווערען.

אזוי ווי די סאציאליסטישע רעדנער האבען געמאכט דעמאנסטראטיווע ערקלערונגען, דערקלערט ה' גראסמאן די דעקלאראציע פון די ציוניסטען, וועלכע מיר ברענגען ווייטער.

נאך א קורצער באראטונג באשטימט דער פרעזידיום אז די קאנסטיטוציאנעלע פונקטען, וואס זיינען אנגענומען געוואָרען דורכ'ן אלטען נאציאנאלראט, זיינען אבליגאטאריש אויך פאר'ן איצטיגען, כל זמן ווי זיינען ניט אבגעשאפען, ווי יעדע הלכה איז געזעצליך ביז זי איז ניט אבגעוואָרפען.

די פראגע וועגען פארפארלאמענט איז באשלאסען געוואָרען איבערצוגעבען דעם פרעזידיום, וואס דארף אין משך פון דריי טעג צושטעלען א באריכט וועגען דער ראווינער פראגע.

אויף דער זיצונג פון 20-טען מאי איז באהאנדעלט געוואָרען די פראגע וועגען אידישען מיניסטער. נאך קורצע דעבאטען איז אנגענומען געוואָרען פאלגענדע רעזאלוציע, וועלכע עס האט אריינגעטראגען די ציוניסטישע פראקציע.

1) נעמענדיג אין אכט די געגעבענע פאליטישע לאגע באשליסט דער צ. איד. נאציאנאל-ראט, אז עס דארף באשטימט ווערען א צייטווייליגער סטאטס-סעקרעטאר פאר אידישע ענינים אדער א פארוואלטער פונ'ם מיניסטעריום, וועלכער באטראכט זיך אלס א צייטווייליגער פארשטעהער פון דער אידישער נאציע און געהט ניט אריין אין מיניסטערען-ראט.

2) דער צייטווייליגער סטאטס-סעקרעט. פאר אידישע ענינים אדער פארוואלטער פארבלייבט אויף זיין פאסטען ביז וואנען דער פארפארלאמענט, ד. ה. דער צוזאמענפאר פון די קהלות וועט אויסקלייבען א קאנדידאט אויף דעם פאסטען פון א אידישען סטאטס-סעקרעטאר.

8) ביז עס וועט צונויפגערופען ווערען דער צוזאמענפאר פון די קהלות איז דער צייטווייליגער סטאטס-סעקרעטאר אדער פארוואלטער פון אידישען מיניסטעריום פאראנטוואָרטליך פאר דעם צייטווייליגען נאציאנאל-ראט.

פרטים — אין קומענדען נומער.

די ווענדונג פונ'ם אלטען נאציאָנאל-ראט.

דער צייטווייליגער אידישער נאציאנאל-ראט (אין זיין אלטער צוזאמענשטעלונג) האט פארעפענטליכט א מעלדונג צו אלע אידישע קהלה-ראטען און צו דער גאנצער אידישער באפעלקערונג אין אוקראינע, אין וועלכער עס ווערט ערקלערט, אז די גאנצע אידישע אווטאנאמיע געפינט זיך איצט אין א סכנה און ס'וועט אויסגעמעקט אלע עראבערונגען, וואס זיינען דערגרייכט געוואָרען אין משך פונ'ם רעוואלוציאנס-יאר, ווי דער אידישער נאציאנאלער סעקרעטאריאט, דערנאך מיניסטעריום, די פרוכטבארע טעטיגקייט פון בילדונגס-דעפארטאמענט, סטאטיסטיש-עקאנאמישען דעפארטאמענט א. א.

אלע קהלה-ראטען און די גאנצע אידישע באפעלקערונג ווערען גערופען צו שיצען מיט אלע כחות די נאציאנאלע דערגרייכונגען און קעמפען פאר דעמאקראטיזם, וועלטליכקייט, אידישער שפראך און אידישער נאציאנאלער אווטאנאמיע.

דאס אידישע לעבען אויף אוקראינע.

אין קיעווער קהלה-ראט.

אויף דער זיצונג פון 8-טען מאי איז באהאנדעלט געהאָרען די פראגע וועגען א צוזאמענפאר פון אידישע קהלות אין אוקראינע. מיט א פארטראג וועגען דעם איז ארויסגעטראטען דער פארזיצער פונ'ם קהלה-ראט מ. נ. סירקין, וועלכער האט אנגעוויזען אויף די אויפגאבען פונ'ם צוזאמענפאר (ארגאניזירען די נייע פראווינציעלע קהלות, שאפען א פארשטעהערשאפט פון אלע קהלות און דער עיקר ארגאניזירען דאס גאנצע אידענטום פון אוקראינע) און אויף זיין בריטער קאמפעטענץ: נאציאנאלע, פאליטישע און סאציאל-עקאנאמישע פראגען. „עס שוועבט איצט א סכנה איבער דער גאנצער אידישער אווטאנאמיע," — האט ה' סירקין פארענדיגט זיין רעפעראט, — עוויס, די פארמען און קאמפעטענץ פון דער אווטאנאמיע דארף באשטימען נאר א אידישע גרינדונגס-פארזאמלונג, אבער אצינד איז דאס אונמעגליך. און ייטווייליג וועט די נויטווענדיגסטע לעבענס-פראגען ארענטפערן אט דער ארגאן, וואס עס וועט שאפען ער צוזאמענפאר. ער וועט דינען צייטווייליג אלס י פאליטישע פארטרעטונג פונ'ם אידענטום. די איניציאטיוו איז צונויפצורופען דעם צוזאמענפאר דארף רויסגעהן פון דער קיעווער קהלה, וועלכע איז י גרעסטע און געפינט זיך אין צענטער — אין דער הויפט-שטאט פון אוקראינע. מען דארף זיך, נאטירליך, אויך בעראטען מיט די צענטראלע אינסטיטוציעס — מיטן נאציאנאל-ראט.

די פארשטעהער פון די סאציאליסטישע פראקציעס (ליטוואקאוו, דאבין א. א.) האבען זיך אויסגעזאגט געגען צונויפרופען דעם צוזאמענפאר. די בנית דאס ווידער אין די קאמפעטענץ פונ'ם נאציאנאל-ראט און אחוץ דעם האבען נאך די נייע קהלות ין ערפארונגס-מאטעריאל, מיט וועלכען זיי זאלען יך קאנען טיילען איינע מיט דער אנדערער.

קאלקער (ציוניסט): דאס צונויפרופען פון א צוזאמענפאר איז כלל נישט געווענדעט געגען דעם נאציאנאל-ראט. פארקערט, דער נאציאנאל-ראט וועט דורכ'ן צוזאמענפאר פארשטארקט ווערען און איבערגעבויט אויף נייע יסודות.

די איצטיגע אביעקטיווע באדינגונגען קאנען ברענגען דערצו, אז די אויסהערנסטע מאכט קאן אינגאנצען פארניכטען די אידישע אווטאנאמיע, און עס מוז זיין גרייט א צענטראלער ארגאן פון די קהלות.

סירקין: אין אזא ערנסטער פראגע דארף מען אוועקווארפען דעם פאלעמישען טאן, וואס האט אנגענומען די סאציאליסטישע אפאזיציע. דא האט מען געהאָרט אזוינע ווערטער, ווי: „ס'דארף ניט שאפען קיין אידישע „בלעבאראבען"; פארקערט, איך האלט אז דאס וואלט געווען א גלייכע זאך צו שאפען אייגענע עיר-ארבעטער, ליידער איז עס אבער דא אונמעגליך. דא זעהען מיר מיינסטענס נאר „סלאָווארעבען". מיט אונזער אפאזיציע איז ווי מיט דער בייזער שוויגער, וואס פאר אן ערנסטע פראגע מיר זאלען ניט דערהערען זיינען זיי אלץ ניט צופרידען.

מיר ווילען זעהען נייע קערנער און שניידען ווירקליך פרוכט. אינ'ם נאציאנאל-ראט האט מען געזייט ווינט און געשניטען שטורם. מיר ווילען שאפען די אמת'ע אידישע פארטרעטונג. אונזער אפאזיציע פירט זיך אבער ווי אין דער מיטעלאלטערישער סכאלאסטיק, וואו עס האט אומבאדינגט געמוזט זיין א מאגיסטר פרא און קאנטרא. דער ראטמאן דאבין האט פארשווארצט דאס, וואס ווייס איז און פארווייסט דאס שווארצע.

אויב מיר וועלען ניט אנגעמען קיין מיטלען וועט קיעוו ווערען א צווייטער פעטראגראד, אינפראנטווארטליכע גרופען וועלען פארהאפען די אפוטרופסות איבער די אידישע מאסען, עס וועט געשאפען ווערען א נייער ווינאווער.

דער נאציאנאל-ראט איז געשאפען געוואָרען דורך א אויסוועהלטער קראפט, ער האלט זיך אין אין רעפארטירען: פריהער 20 מיטגלידער, דערנאך 50, איצט 60. אבער עטליכע מאל נול בלייבט פארט נול, וויפיל מ'זאל אים ניט פארגרעסערען. דער יסוד פון דער אווטאנאמיע, דער אמת'ער קערן איז די קהלה און דאס ווילען מיר פארשטארקען.

מיר האבען די גאנצע צייט געפירט א קאמף געגען נאציאנאל-ראט, נישט נאר איצט בימי ההעטמאן, נאר פון לאנג — בימי המלך שלכם. איך ווייס ניט פארוואס מאכען די אפאזיציאנעלע רעדנער שטענדיג א חשבון פון יענעמ'ס נשמה; מיר האבען קיינע דיפלאמאטישע כוונות, מיר פארלאנגען צו שאפען א נאציאנאלע פארטרעטונג, ווייל עס זיינען שוין פאראן פון 140 ביז 160 קהלות.

מען ערקלערט דא: מ'האט דאך אייך, ציוניסטען, שוין געגעבען 40 פר. אין נאציאנאל-ראט. מיר קאנען אבער ניט גערן אין נאציאנאל-ראט, ווייל ער איז בכלל א שלעכטע פארטרעטונג; מיר

האבען איצט איינגעשטימט נאר דערפאר, ווייל דער מאמענט איז א געפערליכער. דאך רעכען איך, אז מיט דעם וואס אין נאצ.-ראט וועלען אריין 24 ציוניסטען וועט ער נאך ניט ווערען קיין סנהדרין איבער דער אידישער באפעלקערונג.

דער רעדנער חזרט נאך אמאל איבער אויספירליך די פראגען, מיט וועלכע עס דארף זיך באשעפטיגען דער צוזאמענפאר און פארענדיגט: „אויב דאס איז אנטידעמאקראטיזם זיינען מיר אנטידעמאקראטען".

נאך עטליכע ארויסטרעטונגען פון פארשידענע רעדנער ווערט אנגענומען דער פארשלאג פון די ציוניסטען צונויפרופען דעם צוזאמענפאר פון די אידישע קהלות אין אוקראינע אין חודש יוני. די אויפגאבען פון דעם צוזאמענפאר זיינען ברייטע און פארשידענארטיגע. דער פרעזידיום און פארוואלטונג מוזען אריינטרעטען אין קאנטאקט מיט'ן נאציאנאל-ראט, כדי צוזאמען צו ארבעטען.

אויף דער זיצונג פון 15-טען מאי האט די פארוואלטונג אבגעגעבען א באריכט פון איר טעטיגקייט, וועלכע מען האט דערנאך קריטיקירט. עס איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע, וועלכע פאדערט אז די פארוואלטונג זאל אין דער נאהענטסטער צייט צוזאמשטעלען אן אויספירליכען פלאן פון איר טעטיגקייט אין איבערארבעטען פארמען פון צוואנגס-שטייער פאר דער אידישער באפעלקערונג. פארלויפיג איז פאר דער סאניטארער קאמיסיע אסיגנירט געווארען 330 טויזענט רובל.

צום סוף פון דער זיצונג האט די פארוואלטונג ערקלערט, אז זי נעהמט אריין אין דימיסיע.

די שול-קאמיסיע ביים קיעווער קהלה-ראט.

אין דער שול-קאמיסיע איז אלערערשט באהאנדעלט געווארען די שפראכען-פראגע. די פארשטעהער פון די „פאראייניגטע" און „בונד" האבען זיך ארויסגעזאגט דערפאר, אז די אידישע שול זאל זיין דורכאויס א וועלטליכע און אויף אידיש; העברעאיש דארף מען לערנען ניט פריהער ווי פונ'ם ה-טען לערן-יאר. די ציוניסטען האלטען, אז די נארמאלע אידישע שול דארף זיין אויף העברעאיש; לויט דער מעלדונג פון די עלטערן דארף מען עפענען שולען אויף אידיש. אידיש אלס למוד דארף פארנעמען א באזונדערן ארט אין דער פאלק-שול. די „תרבות"-פארטיי איז פאר א שול אויף אידיש; לויט דער מעלדונג פון די עלטערן דארף מען עפענען העברעאישע שולען. די איבעריגע גרופען האבען זיך נאך ניט ארויסגעזאגט.

דער מיניסטער ש. מ. גוטניק.

דער נייער מיניסטער פון האנדעל און אינדוסטריע ש. מ. גוטניק איז אין אדעס א גאנץ באקאנטע פיגור. ער איז פארזיצער פון בערזע-קאמיטעט, געשוואוירענער אדוואקאט, באנקיר, לידער פון קאדעטישער פארטיי און איינפלוסרייכער מיטגליד פון אלע אידישע בילדונגס-קולטורעלע און געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס. ה' גוטניק איז א גוטער רעדנער, א ספעציאליסט אין אלע פראגען פון האנדעל, אינדוסטריע, טראנספארט, פינאנסען און שטאטס-ווירטשאפט אין... א דיפלאמאט. אזוי כאראקטעריזירט איהם די צייטונג „פאסלעדניא נאוואסטי".

בשעת די לעצטע געשעהענישען אין אדעס, פאר'ן אנקומען פון די דייטשע, ווען די מאטראסען האבען זיך גענקליבען צו מאכען א בלוט-באד די „בורזשויעס", האט ש. גוטניק אפגעשפילט א וויכטיגע ראליע. די מאטראסען פון „סינאפ", „אלמאז", „ראסטיסלאוו" א. א. שיפען, וועלכע האבען זיך דערוואוסט, אז די דייטשע דערנעהנטערן זיך, האבען געפאדערט פון אדעסער איינוואוינער א קאנטריבוציע פון 20 מיליאן רובל. די מאטראסען האבען באשטימט א טערמין פון 3 טעג אויף אריינטראגען דאס געלט „במזומנים". אויב ניט, וועלען זיי אויסשיסען אלע קאפיטאליסטען, „בורזשויעס", בעל-הבתים, באנקירען.

דאמאלס האט זיך אנגענומען די באשטייערונג פון דער באפעלקערונג דורך א באזונדער קאמיסיע מיט ש. גוטניק בראש און גוטניקען האט זיך איינגעגעבען אזוי פירען די זאך, אז דער לעצטער טערמין צו אריינטראגען די מיליאנען איז אויסגעגאנגען דאן, ווען די בעלי-בתים פון שטאט זיינען שוין געווען די דייטשע. אויף אזא אופן איז דאס געלט געבליבען און די שחיטה האט מען אויסגעמיידט.

אין א פריוואטען אינטערוויו מיט מיטגלידער פון פאלקס-פארטיי האט דער האנדעלס מיניסטער גוטניק ערקלערט, אז בשעת אין מיניסטארען-קאבינעט איז באהאנדעלט געווארען די פראגע וועגען די נאציאנאלע מיניסטעריומס האט ער זיך ארויסגעזאגט פאר אבשאפען זיי. ער, ערקלערט גוטניק, — איז ניט געגען נאציאנאלער אויטאנאמיע, נאר מען דארף זי באגרענעצען.

ווי מען גיט אונז איבער, האט די הסכמה פונ'ם אידישען מיניסטער אבשאפען די מיניסטעריומס געשפילט א גרויסע ראלע.

באראטונג פון „תרבות".

אונטער'ן פארזיץ פון מ' אוסישקין איז אין אדעס פארגעקומען א באראטונג פון „תרבות", אויף וועלכער עס זיינען געווען פארשטעהער פון קיעוו, מאסקווע, ווינניצע און אנדערע שטעט.

עס איז באשלאסען געווארען: ארויסגעבען פונ'ם 1-טען יולי אין אדעס א טעגליכע צייטונג „הנגב", ארויסגעבען לערער-בילער אין דער העברעאישער שפראך, רעפארמירען די אדעסער ישיבה אין א הויכע שול פאר אידישער וויסענשאפט, ארגאניזירען העברעאישע לערער-קורסען אין אדעס און קיעוו, שאפען א באזונדערע אבטיילונג פון „תרבות" פאר אוקראינע און צו דעם צוועק צונויפרופען סוף יוני א צוזאמענפאר אין קיעוו.

עס איז אויסגעקליבען געווארען א צענטראלער קאמיטעט פון פאלגענדע פערזאנען: אוסישקין, ביאליק, קלויזנער, פיכמאן, גאלפערין, מאהילעווער, ראבינאוויטש, ניינפעלד, קאגאן און ראבקין.

דער סעקרעטאריאט געפינט זיך אין אדעס, אוסטשיניקאוו פער., וואוינונג פון פאלעסטינישען קאמיטעט.

י. סאקער.

אין פעטראגראד איז געשטארבען אן'אנגעזעהענער טוער פון דער ס-ר'ישער פארטיי י. סאקער, וועלכער האט אסך יארען געארבעט אין אדעס, וואו ער האט גענומען אנטייל אין אסך אידישע געזעלשאפטליכע אנשטאלטען, איבערהויפט אין די ניינציגער יארען. דער פארשטארבענער האט אסך געארבעט אין חברה מפיצי השכלה און זיך פארנומען מיט ליטעראַרישער טעטיגקייט. דערנאך האט ער אינגאנצען זיך פארנומען מיט פאליטישער טעטיגקייט אין די רייהען פון די ס-ר'ען.

די „קולטור-ליגע".

די אידישע קולטור-ליגע אין קיעוו אנטוויקעלט זעהר א גרויסע טעטיגקייט. דער ארגאניזאציאנס-אפאראט איז שוין פארמירט און דער צענטראל-קאמיטעט פון דער „ליגע" פירט אן מיט דער גאנצער ארבעט. עס זיינען געגרינדעט געווארען אסך קאמיסיעס, ווי שול-קאמיסיע, אויסער שול-קאמיסיע, קינסטלערישע, מוזיקאלישע, פינאנציעלע, ביבליאטעק קאמיסיע א. א.

דער דעמאקראטישער אידישער לערער פאראיין איז אריינגעטראטען אינגאנצען אין דער „ליגע" און בילדעט די שול-קאמיסיע.

א נייע פארטיי.

אין קיעוו איז געגרינדעט געווארען א נייע אידישע פארטיי, וועלכע רופט זיך נאציאנאל-דעמאקראטישע. דער אינציאטאר פון איר איז דער באקאנטער זשורנאליסט ה' גאלאנט. לויט איר פראגראם שטעהט די פארטיי נאהענט צו חינאזערם פאלקס-גרופע. זי שטעלט זיך פאר א ציל צו פארשפרייטען ערד-ארבעט צווישען די אידען אין רוסלאנד. צו דער פארטיי זיינען צוגעשטאנען איבערהויפט אנגעזעהענע קיעווער אינטעליגענטען, מערסטענטהיילס אידישע קאדעטען.

די אידישע קאדעטען.

בשעת דער לעצטער איבערקערעניש האט א גרופע אידישע קאדעטען (ד"ר ביכאווסקי, לוריע, דיוענהאף, פראנקפורט און אנדערע) צונויפגערופען א באראטונג צו באטראכטען די פאליטישע לאגע בנוגע צו דער אידישער אווטאנאמיע אין אוקראינע. פון די אידישע פארטייען זיינען, פארשטעהט זיך, קיינער ניט געקומען, אויסער פארשטעהער פון פאלקס פארטיי, וועלכע האבען ערקלערט, אז די פראגע פון דער אידישער אווטאנאמיע איז שייך נאר דער קאמפעטענץ פונ'ם נאציאנאל-ראט, וועלכער איז איצט רעקאנסטרואירט געווארען און קיינע גרופען קאנען זיך מיט איר ניט פארנעמען.

די אידישע קאדעטען האבען זיך באפרידיגט מיט אט דער ערקלערונג, און די באראטונג איז געשלאסען געווארען.

א ניי מיניסטעריום.

דער מיניסטארען-ראט האט באשלאסען צו גרינדען א ניי מיניסטעריום פאר רעליגיעזע ענינים

מארגאלין'ס יובל.

אנהייב מאי איז געווארען 60 יאר פון ד"ר מארגאלין'ס טעטיגקייט אין קיעוו אויף'ן געביט פון קאמערץ, פינאנסען און געזעלשאפטליכקייט.

זיינע מיטארבעטער און באקאנטע האבען געפייערט דעם יובל.

פאגראם-שרעק.

די אידישע באפעלקערונג פון נאחי-פרילוק לעבט איבער שרעקליכע טעג. עס ווערט געפירט א אפענע פאגראם-אגיטאציע און די שווארץ-מאהניקעס באשולדיגען די אידען אין אלע אומגליקען וואס האבען געטראפען אוקראינע.

געשטאָרבען דער חערסאָנער רב.

אין חערסאָן איז פון א האַרץ-שלאַג געשטאָרבען דער רב גינצבורג, וועלכער האָט געזאָגט ודוי מיט 11 מענשען, וואָס זיינען פאַרמשפּט געוואָרען צום טויט.

די נייע קהלות.

אומאַן: ציוניסטען — 18, פאראייניגטע 17, „אחדות" — 9, בונד 3, פ"צ — 1.

קרעמענטשוג (וואָל. גוב.): בונד — 11, ציוניסטען — 8, פ"צ — 3, בעלי-מלאכות 3, פאראייניגטע — 1.

באָראָדיאַנקע (קיעוו. גוב.): ציוניסטען — 4 בעלי-מלאכות — 4, באַלי-בתים — 2, פאראייניגטע — 1.

סאַלאָנע (וואָל. גוב.): ציוניסטען 17, בונד — 12, פ"צ — 4, פאראייניגטע — 2.

שפּיקאָוו (פּאָד. גוב.): ציוניסטען — 14, בונד — 3.

ליקאַשאָווקע (קיעוו. גוב.): צ"צ — 10, סאָציאַליסטישער בלאָק — 6, אחדות — 1.

מאַלין (קיעוו. גוב.): „אחדות" 6, ציוניסטען 4, בעלי-מלאכות — 3, סאָצ. בלאָק — 2.

ראָוונע: בונד — 12, ציוניסטען — 11, „אחדות" — 8, בעלי-בתים — 6, פאראייניגטע — 2, פ"צ — 2.

דעמיעווקע (טשערנ. גוב.): פ"צ — 6, ציוניסטען — 4, צ"צ — 2, בעלי-מלאכות — 1.

ראָושעוו (קיעוו. גוב.): סאָציאַליסטישער בלאָק 7, נאַצ. בלאָק — 4, בתי-מדרשים — 4.

מיראָפּאָל (וואָל. גוב.): ציוניסטען — 10, נאַצ. בלאָק — 6, אומפּאַרטייאישע — 1.

ראָמען (פּאָלט. גוב.): ציוניסטען 10, פאראייניגטע און בונד — 4, פ"צ — 1, די איבעריגע צעטלען פון 5 ביז 2 ערטער.

מירגאָראָד (פּאָלט. גוב.): ציוניסטען — 10, בונד 3, פ"צ — 2, בעלי-מלאכות — 2.

לובני (פּאָלט. גוב.) ציוניסטען — 12, פאָלקס-פּאַרטיי 5, „אגודת ישראל" — 5, בונד — 3, פאראייניגטע — 2, פ"צ — 1.

נאָוואָ-טשאַרטאָריסק: ציוניסטען — 5, פ"צ 4, „אחדות" — 1, בעלי-מלאכות — 1.

טשודנאָוו (וואָל. גוב.): ציוניסטען — 9, בונד — 8, פ"צ — 4, אחדות — 1, בעלי-מלאכות — 1.

לעטיטשעוו: ציוניסטען — 11, בונד 3, בעלי-בתים — 4, פ"צ — 2.

שפּאָלע: בונד — 7, ציוניסטען — 5, פאראייניגטע 4, פ"צ — 2, אחדות — 4, פאָלקס-פּאַרטיי — 1, סודרים 1.

אין חאַרקאָוו איז געגרינדעט געוואָרען א צייטווייליגער אידישער קהלה-ראַט (די וואַהלען האָבען נאָך ניט געקאָנט פאָרקומען). אינ'ם ראַט געהען אריין 30 ציוניסטען, 10 פון פאָלקס-פּאַרטיי מיט דער דעמאָקראַטישער גרופּע, 6 בונדיסטען, 7 פּועלי-ציוניסטען און 4 פאראייניגטע. די אָרטאָדאָקסען האָבען זיך אַרויסגעזאָגט געגען אַריינגעהן אינ'ם קהלה-ראַט, ווייל ער וועט זיך פאַרנעמען דער עיקר מיט וועלטליכע זאַכען.

זשיטאָמירער קהלה.

אויף דער ערשטער פייערליכער זיצונג פון'ם זשיטאָמירער קהלה-ראַט זיינען אויסגעקליבען געוואָרען אלס פאָרזיצער יעקב שפּילבערג (אחדות), וויצע פאָרזיצערס — ד"ר מער. יעקב ראָזענבלאַט (פאראייניגטער) און יוסף ביטעלמאַן (ציוניסט); סעקרעטאַרען ח. וואַפּראַן (פאראייניגטער) און מ. עזענטשיק (ציוניסט).

דאָס פאַרמעגען פון דער אידישער קהלה אין אדעס.

די אידישע ראַטמענער אין אדעסער דומע האָבען זיך דערוואוסט, אז מצד דעם ראַט פון די בתי-מדרשים, וואָס האָט ביז איצט אנגעפירט מיט אלע אידישע אנשטאַלטען און דאַרף איצט אַוועק אין א זייט באַטראַכט זיך ממש א רויבערישע באַציהונג צום פאַרמעגען פון דער קהלה: מען באַשטימט גאָר גרויסע געהאַלטען פאַר די אנגעשטעלטע, מ'גיט ניט אכטונג אויף דער בעלי-בתישקייט, מ'גיט אַרויס גרויסע סומען א. א. וו. עס זיינען אנגענומען געוואָרען מיטלען געגען דעם.

אין אדעסער קהלה.

די אדעסער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אנגעגעבען אין וואַהל-ביוראָ פון דער קהלה א פּראָטעסט געגען דעם באַשלוס צו מאַכען די פייערליכע ערעפענונג פון קהלה-ראַט אויף אידיש, אנווייזענדיג אז דאָס ביוראָ איז ניט קאָמפּעטענט צו באַשליסען די פראַגע.

פּאַרטיי-קאָנפערענצען.

אנהויב מאי איז אין קיעוו פאָרגעקומען די אַל-אוקראַינישע קאָנפערענץ פון פּועלי-ציון, צו וועלכער עס זיינען געקומען ביז 70 דעלעגאַטען. אין פּרעזידיום זיינען אויסגעקליבען געוואָרען רעוואוצקי, זרובבל, וואַשין, באָרו און אפרתי. עטליכע רעדעס זיינען געווידמעט דעם אנדענק פון ב. באָראָכאָוו. מיט פאַרטראַגען זיינען אַרויסגעטראָטען רעוואוצקי, גאָלדמאַן א. א.

די קאָנפערענץ האָט זיך אַרויסגעזאָגט דערפאַר, אז די פּועלי-ציוניסטישע פראַקציע אין ראָדע וואָלט געווען באַדאַרפט שטימען געגען דער ערקלערונג פון סאַמאָסטאַי-נאָסט.

עס זיינען אנגענומען געוואָרען א ריהע אלגעמיינע און פּראַקטישע רעזאָלוציעס.

סוף אַפּריל איז אין קיעוו פאָרגעקומען אַן אַל-אוקראַינישע קאָנפערענץ פון די „פאראייניגטע". עס זיינען געקומען אַכט דעלעגאַטען.

וועגען פאַרשידענע פּראָגראַם-און טאַקטיק-פראַגען זיינען אַרויסגעטראָטען מיט פאַרטראַגען ליטוואַקאָוו, שאַץ, לעשצינסקי, לעוויטאַן א. א. איבערהויפּט איז אויך באַהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע וועגען פאַראייניגען זיך מיט אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, ווי פ"צ, און דער עיקר מיט'ן בונד. די פראַגע האָט אַרויסגערופען זעהר גרויסע און הייסע דעבאַטען. דער רוב רעדנער האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר שטרעבען צו פאַראייניגען זיך מיט'ן בונד; פאַר פאַראייניגען זיך מיט פ"צ האָבען זיך אַרויסגעזאָגט ווייניגער רעדנער.

די קאָנפערענץ האָט אויך באַהאַנדעלט די פראַגען וועגען נאַציאָנאַל-ראַט און פאָרפּאַרלאַמענט.

דעם 6 — 8 מאי איז אין קיעוו פאָרגעקומען די אַל-אוקראַינישע קאָנפערענץ פון דער „אידישער פאָלקס-פּאַרטיי". אין פּרעזידיום זיינען אויסגעקליבען געוואָרען: לאַצקי (פאָרזיצער), באַנסטאַלני, פּיטש א. א. וועגען דער קהלה-טעטיגקייט האָט רעפערירט טשערניכאָוו, וועגען פּאָליטישען מאָמענט — גאָלדענווייזער, וועגען דער שול-פראַגע — ראַטנער, וועגען דער פּאָליטיק פון דער פראַקציע אין ראָדע — יודין.

אויף דער קאָנפערענץ האָט זיך בולט אַרויסגעוויזען, אז די פּאַרטיי האָט זיך נאָך ניט אינגאַנצען אויסגעקריסטאַליזירט און ס'איז נאָך ניט קלאָר אין וועלכער זייט זי וועט ציהען: „לינקס" צי „רעכטס". די רעדנער האָבען אויסגעדריקט פאַרשידענע מיינונגען וועגען דעם, וועלכע קענען ניט אָנגעבען דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי.

אין דער אידישער וועלט.

פּױלען.

אין לאָדז.

סוף פעברואַר איז אין לאָדז פאָרגעקומען א קאָנפערענץ פון בעלי-מלאכות אויף וועלכער ס זיינען געווען [illegible] מיטגלידער. עס האָבען געלייענט רעפעראַטען ה"ה לעווין, קאַהאַן, אינזש. רוזאַק א. א. און ס'איז געשילדערט געוואָרען די טרויעריגע לאַגע פון'ם אידישען בעל-מלאכה אין פּוילען. ס'איז באַשלאָסען געוואָרען איינצוּבערופען צונויפרופען אין וואַרשע א קאָנפערענץ פון אידישע האַנדווערקער אין פּוילען.

צווישען אַנדערע איז אויך אָנגענומען געוואָרען א פּראָטעסט-רעזאָלוציע געגען דער ניט-פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרטיילונג פון די אונטערשטיצונגס-געלדער, וואָס קומען פון אויסלאַנד.

אין וואַרשע.

צוליב די קהלה-וואַהלען אין וואַרשע האָבען די וואַרשעווער פאַראיינען פון אידישע בעלי-מלאכות באַשלאָסען אָפּלעגען די געפּלאַנטע אַלגעמיינע קאָנפערענץ פון בעלי-מלאכות.

אידישע אַרבייטער-קרייזען אין וואַרשע האָבען באַשלאָסען צו נעמען אַנטייל אין די קהלה-וואַהלען, הגם מ'איז ניט מסכים מיט די ציוניסטען און פאָלקיסטען (פאָלקס-פּאַרטיי), אז די קהלה דאַרף זיין א נאַציאָנאַל-פּאָליטישער אָרגאַן פון'ם גאַנצען פּוילישען אידענטום, און מ'לאָזט ניט אַרויף קיין גרויסע האָפנונגען דורכצופירען א גרויסע צאָל ראַטמענער.

די מטער-פּרעסע, איבערהויפּט „לעבענס-פראַגען", פירט אַן אַגיטאַציע דערפאַר, אז די אַרבייטער זאָלען בשום אופן ניט אַנטיילנעמען אין דער פאַרוואַלטונג פון די קהלות און נעמען זיך בלויז מיט קריטיק.

די „באַרעכטיגונג" אין פּױלען.

די אידישע גימנאַזיע „התחיה" אין טאָמאַשעוו האָט ערהאַלטען פון פּוילישען בילדונגס-מיניסטעריום א ציר-קוליאַר, אין וועלכען עס ווערט ערקלערט, אז שולען, וואו דער לימוד קומט פאָר אויף פּויליש, טאָרען ניט טראָגען א העברעאישען נאָמען.

פאַר [illegible] א גוט א אידען איז דער גוטבאַ-זיצער [illegible] אויסגעשלאָסען געוואָרען אויף דריי יאָר פון די פּוילישע גוטבאַזיצער.

דער נייער לובלינער גובערנאַטאָר האָט געמאַכט אזא מין אַנטיסעמיטישע ערקלערונג: „איך שעץ זעהר דיר אידען פאַר זייער אַרבייטזאַמקייט און פאַמיליענלעבען. איך מוז אבער אויסמערקזאַם מאַכען אויף זייערע צרייפעלהאַפטע „געשעפטען". געגען וועלכע איך וועל מוזען אָנווענ-דען מיטלען".

די וואַהלען צום פּוילישען מלוכה-ראַט.

די ציוניסטען האָבען די פראַגע וועגען באַטייליגען זיך אין די וואַהלען צום מלוכה-ראַט געלאָזען אָפֿען. די פּועלי-ציון האָבען ערקלערט, אז זיי באַטייליגען זיך ניט אין די וואַהלען. עס האָבען גענומען אַנטייל נאָר די „פאַראייניגטע אידישע ראַטמענער" אין וואַרשע, די „אידישע פראַקציע" אין לאָדז און די פאָלקס-פּאַרטיי.

אין וואַרשע איז אויסגעקליבען געוואָרען אינזש. מייסבלאַם און דער אָנפירער פון דער פאָלקס-פּאַרטיי נח פּרילוצקי. אין לאָדז איז אויסגעקליבען געוואָרען דער ציוניסט ד"ר ראָזענבלאַט און אלס זיין ממלא מקומו דער ציוניסט ה. פאַרבשטיין פון וואַרשע.

לויט די לעצטע ידיעות זיינען אינ'ם פּוילישען מלוכה-ראַט אויסגעקליבען געוואָרען בסך-הכל 7 אידען (3 אסימילאַטאָרען, 2 אָרטאָדאָקסען, 1 פאָלקיסט, 1 ציוניסט).

ציוניסטישער פּראָטעסט געגען וואַרשעווער מאַגיסטראַט.

דער ציוניסטישער קאָמיטעט אין וואַרשע האָט פאַרעפענטליכט א שאַרפען פּראָטעסט געגען דער באַשטימונג פון'ם באַוואוסטען אַנטיסעמיט ד"ר אילסקי פאַר'ן פאַרוואַלטער פון דער ערנעהרונגס-אַבטיילונג פון דעם וואַרשעווער מאַגיסטראַט. די דאָזיגע באַשטימונג איז א העכסטע באַליידיגונג פאַר דער אידישער באַפעלקערונג.

אידישע דעקלאַראַציעס אין וואַרשעווער שטאָט-ראַט.

בשעת אינ'ם וואַרשעווער שטאָט-ראַט איז באַהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע וועגען דער באַציהונג צום שלום-שליסען מיט אוקראַינע, זיינען די אידישע פראַקציעס אַרויסגעטראָטען מיט דעקלאַראַציעס.

אין נאמען פון דער ציוניסטישער פראקציע האט זייַדעמאן ערקלערט, אז די ציוניסטישע פארטיי איז מסכים מיט'ן פראטעסט פון דער רעזידענץ וועגען דער באציהונג צו די פוילישע בירגער און האפט, אז די אכטונג צו די רעכט פון די פוילישע בירגער, אהן אונטערשייד פון נאציאן און גלויבען, וועט נאר מיטהעלפען צו פארשטארקען די אומאבהענגיגע פוילישע מלוכה.

אין נאמען פון דער פאלקס־פארטיי האט פרילוצקי ערקלערט, אז ארויסגעהענדיג פון דעם שטאנדפונקט, אז דער גורל פון פעלקער און לענדער דארף באשלאסען ווערען מיט דער דעה פון די פעלקער זעלבסט, שטיצט זיין פראקציע אויך מיט'ן פראטעסט.

אויך דער „בונד" האט געגעבען א פראטעסט־ערקלערונג. אינטערעסאנט איז, אז ערב דער באהאנדלונג פון דער פראגע איז פארגעקומען א זיצונג פונ'ם סעניארען־קאנווענט, אויף וועלכער עס זיינען צום ערשטען מאל איינגעלאדען געווארען אפיציעל די פארשטעהער פון אידישע פארטייען, ציוניסטען און פאלקספארטיי, ווייל די פאליאקען זיינען געווען פאראינטערעסירט אין דעם, אז דער פראטעסט זאל אנגענומען ווערען איינשטימיג, ער זאל קלינגען ווי די שטים פונ'ם גאנצען לאנד.

אידישע דעפוטאציע ביים מיניסטער.

א דעפוטאציע פון לאדזשער אידען מיט ד"ר ראזענבלאט און ראבינער ברוידע בראש האבען זיך פארגעשטעלט דעם פוילישען פרעמיער־מיניסטער און געבעטען אבצושאפען די קוריען־סיסטעם ביי די קהלה־וואהלען. דער מיניסטער האט צוגעזאגט די זאך איבערצופריפען.

קהלה־וואהלען אין מאזאשעו.

ביי די קהלה־וואהלען אין מאזאשעץ זיינען פון דעם ארטאדאקסישען צעטעל אויסגעקליבען געווארען י. שטיינמאן (ציוניסט), ס. ז. פחנא (נאציאנאליסט), י. הייב און ה. הארוויץ (ארטאדאקס).

אין ווארשעווער שטאט־ראט.

דעם 1־טען מאי איז אין ווארשעווער שטאט־ראט אריינגעטראגען א דרינגליכער פארשלאג פון ראט־מאן נח פרילוצקי מיט התימות פון נאך 21 ראטמענער, אז דער שטאט־ראט זאל זיך ארויסזאגען געגען די אידען־פיינדליכע פראקלאמאציעס וואס ווערען פארשפרייט אין שטאט. די דרינגליכקייט שטיצט ה. פרילוצקי און זי ווערט איינשטימיג אנגענומען. דערנאך ווערט איינשטימיג אנגענומען א פראטעסט־רעזאלוציע.

אידישער דלות.

די ווארשעווער מצה־קאמיסיע ביי דער געמיינדע האט ארויסגעגעבען געלט־שטיצע אויף פסח העכער 26000 פאמיליען, וואס מאכט אויס העכער 135000 נפשות. אויסער דעם האט די געהילף־סעקציע צו העלפען געפאלענע סוחרים פאררעגיסטרירט העכער 11000 נפשות, וואס האבען באדארפט באקומען פסח־שטיצע. אויך דער צענטראלער פאראיין פון אידישע בעלי־מלאכות האט רעגיסטרירט זיבען טויזענט נפשות, וואס נייטיגען זיך אין הילף אויף פסח.

די אידישע באפעלקערונג אין די פוילישע שטעט.

לויט דעם מאטעריאל פון ווארשעווער אבטיילונג סטאטיסטישער אבטיילונג האבען די לעצטע 10 יאר פונ'ם 18 יאר־הונדערט אין ווארשא געוואוינט בערך 7700 אידען, אין יאר 1803—10666, 1816—15679, 1832—127917, 1914—337074. אין יאר 1909 האבען פון 116 פוילישע שטעט געהאט: 0 שטעט ביז א דריטעל אידישע באפעלקערונג, 33 שטעט—צווישען א דריטעל און א העלפט אידישע באפעלקערונג, אין 78 האט די אידישע באפעלקערונג געבילדעט די אבסאלוטע מערהייט. 5 פון די לעצטע שטעט האבען געהאט 90—80 פראצענט אידען.

פראוואקאטארישער אויפרוף.

די לעצטע צייט האט מען אין ווארשא פארשפרייט א פארדעכטיגען אויפרוף, אונטערגעשריבען פון עפעס אנ'אנאנימער „באפרייאונג־ארמיי", וואס פאדערט „צו גרינדען זעלבשוץ געגען די געפלאנטע אידישע פראוואקאציעס".

די פוילישע מאסען זיינען אבער נאך ניט אינגאנצען פארסמט פון אידען־האס און אין א געוויסער מאס באוואוסטזיניג: און דער אויפרוף האט קיין פאלגען ניט געהאט.

די אידישע סטודענטען אין ווארשא.

די אידישע סטודענטען פון ווארשעווער פאליטעכניקום האבען דורכ'ן באשלוס פון פראפעסארען־ראט פארלוירען א גאנצען סעמעסטער פאר'ן פראטעסטירען געגען פארמאכען זייער געזעלשאפט פון „געגענזייטיגער הילף".

שול־סטאטיסטיק אין ווארשע.

לויט דער שולסטאטיסטיק פאר'ן 1916—17 לערן־יאר ווייזט זיך ארויס, אז פון 140158 קינדער אינ'ם עלטער פון 7 ביז 19 יאר, וואס לערנען זיך אין די ווארשעווער שולען זיינען 86617 קריסטען (61 פראצ.) און 53491 אידען (39 פראצ.). אין איינינע באצירקען מאכען אויס די אידישע קינדער העכער 50 פראצ. פון דער אלגעמיינער צאל.

אויסגעשלאסען 6 סטודענטען.

פונ'ם ווארשעווער פאליטעכניקום זיינען אויסגעשלאסען געווארען 6 אידישע סטודענטען. דער ראווינער פאל האט ארויסגערופען א גרויסע אויפרעגונג צווישען דער אידישער באפעלקערונג. אין דער פרעסע ווערט אנגעוויזען, אז אזעלכע זאכען זיינען נאר פארגעקומען אין [illegible] אין בעיליס צייטען. די אקאדעמישע [illegible] האט [illegible] אויפגעפירט; געפאדערט פון די סטודענטען [illegible] זייער נאציאנאליטעט פארלייקענען.

אין לאדזשער קונסט־שולען.

אין דער לאדזשער פוילישער קונסט־שולען פאר־ בכבר סקאנדאלען און זאגאר געשלאגען צווישען קריסטליכע אין אידישע שילער.

די דאזיגע קונסט־שולע, וועלכע ווערט דווקא האלב אויסגעהאלטען פאר אידיש געלט, האט שוין נאך פאר א יארען בארימט געמאכט מיט גאנץ אפטע שלעגען צווישען די פוילישע שילער. איצט איז ווידער א מאל געקומען צווישען די אידישע און קריסטליכע שילער צו א געשלעג צוליב דעם, וואס איינע פון די קריסטליכע שילער האט באליידיגט א אידישען שילער. אז ער האט [illegible] ביי א פראפעסאר פון דער שולע [illegible]

ס'האבען זיך דערין אריינגעמישט אנדערע אידישע שילער, וועלכע האבען פארטיידיגט זייער חבר געגען די אנפאלען פון זייערע קריסטליכע קאלעגען און ס'איז דערפון געקומען צו א בלוטיגען געשלעג.

ליטא.

פון דער פרעסע.

אין דער „פאסישער צייטונג" געפינען מיר אנ'אינטערעסאנטען ארטיקל פון דעם דעפוטאט קאהען־רייס וועגען דער ליטווישער פראגע.

אנווייזענדיג, אז אין ליטא לעבען אחוץ די ליטווינער, וועלכע בילדען 50 פראצ. פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג, אין א גרויסער צאל אויך פאליאקען (23 פראצ.), אידען 15 פראצ.) און ווייסרוסען (6 פראצ.). ערקלערט דער מחבר פונ'ם ארטיקל, אז אויב ליטא ווערט אויפגעבויט אלס זעלבשטענדיגע מלוכה, מוז דאס פארקומען נאר אויף יסוד פונ'ם פרינציפּ פון א נאציאנאליטעטען־שטאט, וואו אלע פעלקער, וואס לעבען אין לאנד, דארפען זיין פראפארציאנעל פארגעשטעלט אין די געזעצגעבונגס־ארגאנען און פארוואלטונגס־ארגאנען לויט זייער אנטשפרעכענדער צאל אין דער לאנד־באפעלקערונג. דעריבער איז די צוזאמענשטעלונג פונ'ם צייטווייליגען ליטווישען נאציאנאל־ראט, וואו אויף 26 ליטווינער זיינען דא בלויז 5 פארטרעטער פון די מינדערהייטען, גאר ווייט פון ווירקליכען פארהעלטניס צווישען די פעלקער־שאפטען.

איבערגעהענדיג צו דער כאראקטעריסטיק פון באזונדערע פאלקס־גרופען, וואס באוואוינען ליטא, זאגט קאהען ארויס פאלגענדע מיינונגען:

די ליטווינער, צווישען וועלכע פון 80 ביז 85 פראצ. זיינען אנאלפאבעטען (בעזגראמאטנע), באשטעהען כמעט דורכאויס פון קליין־פויערים מיט נאר א קליינער גרופע פון פאליטיש און נאציאנאל „אנטוויקעלטער אינטעליגענץ"... דאס זעלבע איז אויך מיט די ווייסרוסען... גאנץ אנדערש איז די לאגע ביי די פאליאקען און אידען. די פאליאקען, וואס זיינען צום רוב גרויסע ערד־באזיצער, און אידען, וואס זיינען הענדלער און בעלי־מלאכות, זיינען אין דער העכסטער מאס אנטוויקעלט פאליטיש און פארמאגען א שטארקען נאציאנאלען באוואוסטזיין.

פון אט די פאקטען, — ענדיגט קאהען, — איז גאנץ קלאר, אז די דייטשע פארוואלטונג און די מלוכה־רעגירונג האבען נאך ניט גוט, ווען זיי האבען ביזוהער געפירט אונטערהאנדלונגען וועגען דער צוקונפט פון ליטא נאר מיט די ליטווינער אליין, בעת אין דער ווירקליכקייט וועט אויף די איבעריגע פעלקער אויסקומען אסך מעהר צו שטיצען זיך ביים אויפבויען פון דער נייער מלוכה, ווי אפשר אויף די ליטווינער גופא. אין דער ריכטונג ליגען אויך די אינטערעסען פון דייטשלאנד, פאר וועלכע ליטא דארף זיין דער לאנד־פארמיטלער מיט רוסלאנד.

אין ווילנא.

אין ווילנא האט לויט דער איניציאטיווע פון די צעירי־ציון ווידער אנגעהויבען פונקציאנירען דער אידישער פאלקס־אוניווערזיטעט. [illegible] אנטייל פון אנגעזעהענע ציוניסטישע פיגורען. אלס רעפערענטען זיינען איינגעלאדען: אדוואקאט ראזענבוים, ד"ר ווייגשאל, ד"ר רעגענסבורג, ד"ר אלשוואנגער, [illegible] און שערעס.

עס איז געגרינדעט געווארען אין ווילנא א פועלי־ציוניסטישער פאראיין אונטער דער פירונג פון ווידשנער, ד"ר חאם און שלים.

אידישע רעאל־גימנאזיעס אין ווילנע.

דער קאמיטעט פון ווילנער „מפיצי השכלה" האט אויסגעארבעט א פראיעקט פון נאציאנאליזירען און פאראידישען די מיטעלע בילדונג ביי אידען. עס וועט געעפענט ווערען א מוסטערהאפטע מיטעל־שול לויט דעם טיפּ פון די רעאל־גימנאזיעס, וואו די למודים וועלען געלערנט ווערען אין אידיש.

אין דער קאמיסיע, וואס פארנעמט זיך דערמיט, געהען אריין ד"ר אלשוואנגער, פלוידערמאכער און ולכן רייזין.

ליטא—זעלבשטענדיג.

דעם 4־טען מאי איז דעם פרעזידיום פונ'ם ליטווישען לאנדראט איבערגעגעבען געווארען א גראמאטע פונ'ם דייטשען קייזער, אין וועלכער ליטא ווערט אנערקענט פאר א זעלבשטענדיגע מלוכה.

אמעריקע.

דער 10־מיליאנען פאנד.

ווי באקאנט, איז לויטן פארשלאג פון פילאנטראפּ ראזענוואלד געבילדעט געווארען אין ניו־יארק א קאמיסיע צו שאפען א פאנד פון 10־מיליאן דאלאר פאר די אידען אין די מלחמה־ליידענדע לענדער. ראזענוואלד האט ערקלערט, אז אויב אין משך פון 1917 יאר וועט צונויפגעזאמעלט ווערען 9 מיליאן, וועט ער געבען דעם צענטען מיליאן. ביז'ן 1 טען דעצעמבער 1917 איז צונויפגעקליבען געווארען א העלפט פון דער סומע. פאר'ן חודש דעצעמבער האט מען זיך גענומען ענערגיש צו זאמלען געלט און אין א משך פון 2 וואכען האט מען צונויפגעקליבען 3 מיליאן דאלאר. דער פרעזידענט ווילסאן האט געשיקט דעם קאמיטעט פון פאנד א באגריסונג און א וואונש צו א ערפאלגרייכער ארבעט.

עסטרייך.

דער קראקויער פאגראם.

די האלטונג פון די אסימילאטארען בעת דעם לעצטען קראקויער פאגראם איז געווען ביז גאר שענדליך. אויפ'ן צווייטען טאג פון פאגראם איז פון קראקוי ארויסגעפארען קיין ווין א דעפוטאציע פון סתם פאליאקען און פאליאקען פון „משה רבנו'ס גלויבען", כדי פארצושטעלען דעם פארגעקומענעם פאגראם מיט די רויבערייען פון קלייטען און הייזער בלויז אלס הונגער־אונרוהען. די אסימילאטארען האבען זיך מיט אלע כחות באמיהט צו פארשווייגען דעם גאנצען פאגראם און פארלייקענען. אין דערזעלבער נאכט האט דער פרעזידענט פון דער קהלה ד"ר טיללעס געוואלט דעם געהרגעטען ס. מעללער צו קבורה ברייגגען בסוד סודות. די באפעלקערונג האט זיך אבער געשטעלט אקעגען און האט ארגאניזירט א וואך.

באלד ווי עס האט זיך אנגעהויבען דער פאגראם האט זיך אויך גלייך ארגאניזירט א זעלבשוץ פון שומרים און פועלי־ציוניסטען וועלכע האבען ארויסגעלאזט אנ'אויפרוף, אין וועלכען עס ווערט געזאגט:

אויף אנ'אונמענשליכען אופן זיינען געשלאגען גע־ווארען אלטע אידען און שוואכע פרויען. אונשולדיג בלוט איז פארגאסען געווארען. דאס האט גענומען דער ווילדער המון, צווישען וועלכען ס'איז אבער אויך געווען אסך ביר־גערליכע און אזוי גערופענע אינטעליגענטע עלעמענטען און אפילו פוילישע לעגיאנערען. אידען! ווענדט ס'איז טייער אונזער כבוד דארף זיך שטעלען אין די רייהען פון די קעמ־פער פאר מענשליכע רעכט און אונזער נאציאנאלער פרייהייט! נידער מיט די חוליגאנעס; נידער מיט די אומגעבעטענע פארוארנערס!"

דער געהרגעטער 31־יעריגער פ. מעלער פון סטרי, וואס איז געווען אין קראקוי אויף אורלויב, האט איבערגע־לאזט א פרוי מיט אן קינדער.

די פאליאקען און די אידען.

ס'איז כאראקטעריסטיש, אז דאס פוילישע פרעס־ביוראָ וואס איז פארשפרייט איבער דער גאנצער וועלט האט וועגען די לעצטע אנטיסעמיטישע אויסרייסען אין גאליציען, ווי קראקוי, אלס סאנדעק א. א., קיין איין וואָרט ניט געמעלדעט אדער זיך באמיהט אבצוואשען די פאליאקען פון דעם און פאר־שטעלען די זאך אזוי, אז געוויסע די פאליאקען און אידען הערשען כלומרשט גוטע באציהונגען.

די „נארדדייטשע אלגעמיינע צייטונג“ אנדעקט די גאנצע זאך און וויזט אן, ווי אין פוילען האט זיך די לעצטע צייט פארשטארקט די אנטיסעמיטישע באוועגונג. די צייטונג רעכענט אויס אלע רעפרעסיעס קעגען אידען, ווי דאס פארווערען די אידישע סטודענטען צו גרינדען א אייגענע קארפאראציע, ספעציעלע שטייערן פאר די מעקסטען אויף די געשעפט־שילדער, וואס רייסט אן הויפטזעכליך אידען און נאך עהנליכע.

אין לעמבערגער שטאט־ראט.

אינ'ם נייעם לעמבערגער שטאט־ראט, וועלכער באַ־שטעהט פון 100 מיטגלידער, געפונען זיך 20 אידען. אינ'ם פריהערדיגען זיינען געווען נאר 14. פון די 20 ראטסמענער איז אבער נאר איינער פון א נאציאנאלער פארטיי — דער ציוניס־טישער דעפוטאט רייניס.

צו דער אידענפראגע אין רומעניען.

אין דער עסטרייכישער אויבערשטער פאלאטע האט ד"ר שטרוניבער ארייגעטראגען אנ'אינטערפעלאציע וועגען דעם, אז מען זאל זיכערן פולע גלייכבארעכטיגונג פון אידען אין רומיניען. די אינטערפעלאציע איז געווענדעט געווען צום מיניסטער־פרעזידענט, ער זאל זיך ווענדען צום אויסרן־מיניסטער און ניטווירקען מעגליכסט אין דער היגזיכט.

די אינטערפעלאציע האבען אונטערגעשריבען אסך אנדערע דעפוטאטען.

דער פארבאטען פון העברעאיש אין עסטרייך.

נאך דער ציוניסטישער אינטערפעלאציע וועגען די מעשים פון דער איצטיגער אדמיניסטראציע, וועלכע האט פאר־באטען די העברעאישע שריפט אין עסטרייך, האט די אויבערשטע פאלאטע לויט דער אנפראגע פון ד"ר שטרוניבער און אנדערע ענדליך באשלאסען סכמר מאכען די אלטע דעקרעטען וועגען פארווערען באנוצען די העברעאישע שפראך.

ארעסטען פון פ"צ אין עסטרייך.

אין ווין זיינען ארעסטירט געווארען אסך מיטגלידער פון דער פועלי־ציוניסטישער ארגאניזאציע, צווישען ווי דער סעקרעטאר מיכל קאהן.

רומעניען.

נאכ'ן שלום־אבמאך.

ניט קוקענדיג אויף אלע הבטחות ווערט דורכ'ן שלום־אבמאך פון דייטשלאנד מיט רומעניען די אידענפראגע ניט געלייזט.

דער פונקט בנוגע צו אידען זאגט, אז בירגערליכע רעכט באקומען נאר יענע אידען, וואס קאנען באווייזען, אז זיי און זייערע עלטערן זיינען געבוירען אין רומעניען, אדער וואס האבען בעת דער איצטיגער מלחמה געדינט אין דער רומענישער ארמיי. די רומענישע רעגירונג וועט אויף אזא אופן ווידער האבען די מעגליכקייט ניט דורכצופירען די גלייכבארעכטיגונג פאר אידען.

אין בעסאראביע.

דאס ביורא פון בעסאראבער צאליטישע עמיגראנטען אין אדעס האט ארויסגעלאזט אנ'אויפרוף מיט א שארפען פראטעסט קעגען דער פאראייניגונג פון בעסאראביע מיט רומעניע. אין דעם מעמאראנדום ווערט אנגעוויזען, אז אלע ציכטען פון דער באפעלקערונג, אחוץ א קליינעם קרייז פון אגרארער, זיינען אויפגעבראכט קעגען דער פאראייניגונג פון בעסאראביע, וואס איז געמאכט געווארען דורך א גריפע מאלדאווישער אוואנטוריסטען.

א באזונדערע אונטערדריקונג ערווארטעט די אידישע נאציא־נאליטעט,—ווערט געזאגט אינ'ם מעמאראנדום,—און מען קאן זיך פארשטעלען, וואס די אידען וועט איבערקומען איי־צושטעהען אונטער דער רומענישער הערשאפט.

פון בעלץ זיינען קיין אדעס געקומען פארשטעהער פון דער ראדיגער באפעלקערונג וועלכע שיקן פון די רומענישע אבזוריות'ן, איבערהויפט ליידט דארט די אידישע באפעלקע־רונג. שמיק, ארייגזעצען אין טורמע, ארויסשיקען, היזק־מאַ־כען — דאס אלץ הערט גארניט אויף. מ'רעכנט איין שרעקליך זיך אב מיט די, וואס האבען בשעת'ן אנקומען פון די רומענער געהאט א שייכות צו די באלשעוויקעס.

אין דער גאנצער שטאט האלט מען אין איין קרעכצען און זיפצען פון די רומענישע ווילדע מעשים.

אין כאראקי האבען די רומענער פאַסשפט צום טויט דעם מיטגליד פון עיר־קאמיטעט בארביצא פאר פראטעסטי־רען געגען דער פאראייניגונג פון בעסאראביע. אים האט זיך איינגעגעבען אנטלויפען.

אין דארף סאפיע (סאראקער אייעזד) האט מען דער־שאסען א מענשען; דעם סטודענט גארבאטי האט מען גע־פייניגט. אין שטעטל יעדיגעץ האבען די רומענער ארעסטירט אן אידען, אויסגעטאן ווי אין געהייסען טאנצען. דריי, וואס האבען זיך אבגעזאגט צו טאנצען, האט מען דערשאסען.

די ערקלערונג, וואס דער פרעמיער מארגילאמאן האט געמאכט וועגען דער גלייכבארעכטיגונג פון די אידען איז שייך

נאר צו די רומענישע אידען. אין בעסאראביע אבער וועלען ניט געמאכט ווערען קיינע אנטערשיידונגען צווישען די נא־ציאנאליטעטען.

די רומענישע מאכט אין בעסאראביע האט ארויסגע־געבען א באפעל, אז אין אלע קירכען און בתי־מדרשים זאל מען איינפירען א תפלה פאר'ן געזונט פון דער רומענישער קעניגליכער פאמיליע.

דייטשלאנד.

א אידישע גארטען־שטאט ביי בערלין.

ארום בערלין ווערען איצט געשאפען א סך גארטען־שטעט מיט'ן צוועק צו אויסמיידען די גרויסע הסרונות פון אונזערע גרויסע שטעט. ניט לאנג האט זיך אנגעהויבען אין דייטש־לאנד א באוועגונג צו שאפען נעבען בערלין ספעציעל א אידישע גארטען־שטאט. די באוועגונג האט א גרויסען ערפאלג און די אידעע האלט שוין ביים פארווירקליכט ווערען.

דימיטרי ריצאוו.

אין בערלין איז פלוצלינג געשטארבען דער בולגארי־שער געזאנדטער אין דייטשלאנד דימיטרי ריצאוו. דער פאר־שטארבענער האט שטארק סימפאטיזירט די אידען און דער ציוניסטישער באוועגונג און האט ניט איינמאל דערהויבען זיין שטים לטובת די פארפאלגטע אידען.

דער טויט פון א רעוואָלוציאָנערין.

פון מינכען מעלדעט מען, אז אין א ארטיגער טורמע האט זיך גיסס'ט די באקאנטע רעוואלוציאנערקע שרה ראַ־בינאוויטש, וועלכע איז ארעסטירט געווארען דורך דער דייטשער מאכט פאר ארגאניזירען די לעצטע שטרייקען אין דייטשלאנד.

יאפאן.

אידישע עמיגראנטען.

די ניו־יארקער „הכנסת אורחים“ האט געשיקט דעם מיסטער שמואל מאכאן קיין יאקאהאמא צו זארגען פאר די אידישע עמיגראנטען, וועלכע האבען זיך דארט אבגעשטעלט. דארט זיינען פארהאלטען געווארען אויפ'ן וועג קיין אמע־ריקע עטליכע הונדערט רוסישע אידען, איבערהויפט ווייבער און קינדער, וועלכע עס האט אויסגעפעהלט מיטלען אויף זייער ווייטערדיגער רייזע. זייער מצב איז א טרויעריגער. זיי זיינען עלענד אין דער פרעמד און האבען קיין מעגליכקייט צו פארדינסטען.

פראנקרייך.

פארבאטען א מענדעלע־אוונט אין פאריז.

אין פאריז איז איינגעארדנעט געווארען א אוונט אין מענדעלי'ס אנדענק. ווען דער עולם איז זיך צונויפגע־קומען האט די פאליציי אים פארווערט. דער דאזיגער פאקט האט ארויסגערופען שטארקע אויפרעגונג צווישען דער אידי־שער ארבעטער־שאפט אין פאריז.

האלאנד.

„אידישע פאלק־שטים.

אין אמסטערדאם האט אנגעהויבען ערשיינען א נאַ־ציאנאליסטישער זשורנאל פון פועלי־ציוניסטישער ריכטונג מיט'ן נאמען „אידישע פאלק־שטים.

רוסלאנד.

אין מאסקווער קהלה.

דער מאסקווער קהלה־ראט האט באשלאסען צוטרעטען צו ארגאניזירען א אידישען מוזיי אין מאסקווע, פאר וועל־כען עס ווערען שוין געקליבען מאטעריאלען וועגען דער גע־שיכטע פון אידען אין מאסקווע, אידישע אלטער־טימליכקיי־טען, געזעלשאפטליכע אנשטאלטען, טוער, וואהל־סטאטיס־טיק, פארטייאישע ארגאניזאציעס, וועגען דער באטייליגונג פון אידען אין דער רעוואלוציע און אזוי ווייטער.

עס זיינען ספעציעל אבגעגעבען געווארען געלט מיט־לען פאר דעם צוועק.

אידישע זעלבסטשוץ.

אין קורסק איז מיט דער ערלויבעניש פון ארטיגען ראט פון די ארבעטער און סאלדאטען־דעפוטאטען ארגא־ניזירט געווארען אנ'ארטיגע אידישע זעלבסט־שוץ וואס באטייליגען זיך פארשטעהער פון דער קהלה, פון די „פועלי ציון“, פאראייניגטע און „בונד“.

דער קאמיסאריאט פאר די נאציאנאלע אידישע ענינים אין דער קורסקער ראט פון די פאלק־קאמיסארען האבען סודיע געהאט, אז די ידיעות, וואס זיינען אנגע־קומען אין מאסקווער מיליטערישען קאמיסאריאט וועגען דער פארעקטערישער סימגוג פון דער אידישער זעלבסט־שוץ וועלכע האט כלומרשט נאכגעשאסען דעם ראטען־מי־ליטער ביים אבטרעטען זיינען פאלש.

די ציוניסטישע באוועגונג.

צווישען די ענגלישע ציוניסטען.

אויף דער יערליכער קאנפערענץ פון דער ענ־גלישער ציוניסטישער פעדעראציע האט דער פאר־זיצער פון דער פעדעראציע ד"ר חזאַן געגעבען ערקלערונגען וועגען די אויפגאבען פון דער ספע־ציעלער פאלעסטינישער קאמיסיע וועלכע איז אב־געפארען קיין ארץ ישראל. די קאמיסיע דארף רעפּ־רעזענטירען די ציוניסטישע ארגאניזאציע אין זיין

א באראטונגס ארגאן ביי דער ענגלישער מאכט אין פאלעסטינע פאר די פראגען, וואס זיינען נוגע דער אידישער באפעלקערונג אדער דער פארמירקליכונג פון ציוניזם; די קאמיסיע דארף ארגאניזירען הילף פאר דער ארטיגער באפעלקערונג און די הײמלאָזע, וואס ווילען זיך אומקערען; די קאמיסיע דארף מיטווירקען ביים אויפבויען די צעשטערטע קאלאניעס און זעהן, אז עס זאלען געשאפען ווערען פריינדלי

בע באַציהונגען מיט די אראבער און דער איבריגער נים-אידישער באַפעלקערונג.

די אייבענדערמאַנטע קאָמיסיע איז שוין אַרויסגעפאָרען קיין פאַלעסטינע. צוזאַמען מיט איר איז אויך אַרויסגעפאָרען דער קאַפּיטאַן אָרמסבי גאָר, וועלכער איז גוט באַקאַנט מיט די פאָדערונגען פון דער ענגלישער פּאָליטיק אין מזרח און איז באַזיאיסט מיט זיין סימפּאַטיע צו דער אידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

רעזאָלוציע פון די דייטשע ציוניסטען.

אויף דער לעצטער קאָנפערענץ פון דער „ציוניסטישער פאַראייניגונג פאַר דייטשלאַנד" זיינען אָנגענומען פאָלגענדע רעזאָלוציעס.

1) די „צ. פ. פ. ד." באַשטעטיגט די ערפאָלגרייכע אַרבעט פון דעם אַקציאָנס-קאָמיטעט און דריקט אוים איר צוטרויען.

2) די „צ. פ. פ. ד." איז צופרידען פון דעם, וואָס דער אַקציאָנס-קאָמיטעט האָט אַזוי פיל איינגעטאָן בנוגע צום פּאָפּולאַריזירען די באַוועגונג צווישען פאַרשידענע פעלקער און רעגירונגען, און דאַנקט די דייטשע רעגירונג פאַר איר אינטערעסירען זיך מיט דער אידישער איינוואַנדערונג אין פאַלעסטינע.

3) די „צ. פ. פ. ד." באַגריסט דעם אַקט פון דער ענגלישער רעגירונג און דריקט אוים איר צופרידענהייט מיט דער ערקלערונג פון עסטרייכישען מיניסטער וועגען דער הסכמה מיט'ן פּלאַן פון אַ אידישער פאַלעסטינא.

4) די „צ. פ. פ. ד." וועט מיטווירקען, אַז ביים רעגולירען די פאַרהעלטנישען אין מזרח-אייראָפּע זאָל דורכאויס באַהאַנדעלט ווערען די אידישע פראַגע און די אידישע מינדערהייטען זאָל באַקומען די אייגענע רעכט צו אַנטוויקלען איר פאָלקס-טימליכקייט און קולטור, ווי אַלע אַנדערע מינדערהייטען. באַזונדערס זיינען מיר דערפאַר, אַז די אידען אין פּוילען און ליטא זאָל געגעבען ווערען נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע.

5) די „צ. פ. פ. ד." האָפט, אַז דייטשלאַנד וועט מיטהעלפען דורכצופירען די פולע גלייכבאַרעכטיגונג פון אידען אין רומעניען.

די ציוניסטישע בענק.

פון לאָנדאָן איז מען מודיע, אַז דער אידישער קאָלאָניאַל-באַנק און די אַנגלאָ-פאַלעסטינא-קאָמפּאַניע אַנטוויקלען איצט אַ גרויסע טעטיגקייט אין ארץ-ישראל. אַלע אָבטהיילונגען פון די בענק אין ארץ-ישראל זיינען אָפען און פונקציאָנירען מעהר נים. די ענגלישע רעגירונג באַנוצט זיך מיט דעם אידישען באַנק אין פאַלעסטינא פאַר אַלע איהרע פינאַנס-אָפּעראַציעס און פאַרבינדונג מיט איהר אַרמיי.

די ציוניסטישע קולטורעלע אַרבעט.

די קולטורעלע אַרבעט ווערט אין דער פּראָווינץ אומעטום אָנגעפירט דורך די ציוניסטען. באַריכטען וועגען דער אַרבעט קומען אָן פון דער פּראָווינץ זעהר פיל. עס עפענען זיך שולען, קורסען, טעאַטער-קרייזען, ליטעראַטור קאָמיסיעס א. א. וו.

אין יעקאַטערינאָסלאַוו האָבען זיך געגרינדעט 6 חדשים'דיגע קורסען פאַרצוגרייטען העברעאישע לעהרער. אויף די קורסען וועט מען לערנען די העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור, די אידישע געשיכטע, פּעדאַגאָגיק, דידאַקטיק, נאַטור-וויסענשאַפט, מאַטעמאַטיק, צייכענען און געזאַנג. די שילער, וואָס נויטיגען זיך, וועלען באַקומען מאָנאַטליכע סובסידיעס. די, וואָס ווילען אָנקומען אויף די קורסען, דאַרפען צושיקען זייער אויטאָביאָגראַפיע אויף העברעאיש לוים פאָלגענדען אַדרעס: יעקאַטערינאָסלאַוו, אייפאַרנאיאַ 10.

אין מערב גאַליציען.

סוף פעברואַר איז אין קראָקוי פאַרגעקומען אַ באַראַטונג פון די מערב-גאַליצישע פיהרער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אונטער'ן פאָרזיץ פון דר' וואַרהאַפטיג. עס איז באַשלאָסען געוואָרען צונויפצורופען אין לעמבערג אַ לאַנדעס-קאָנפערענץ פאַר גאַליציען און בוקאָווינע. אחוץ דעם איז באַשלאָסען געוואָרען אויך צונויפצורופען אַן אַלגעמיינעם אידישען קאָנגרעס פאַר די לענדער. וועגען דער באַציהונג צו אַנדערע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס איז אָנגענומען געוואָרען אַ באַשלוס צו אַרבעטען אין אַ ענגען קאָנטאַקט מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּוילען. ענדליך איז באַשלאָסען געוואָרען אַרויסצוגעבען אין קראָקוי אַ פּאַרטיי-אָרגאַן אין דער פּוילישער שפּראַך.

נאַציאָנאַל-פאָנד.

אין משך פונ'ם יאָהר 1917 האָבען פאַר'ן נאַציאָנאַל-פאָנד די פאָלגענדע לענדער געזאַמעלט: רוסלאַנד—475.312 רובל, עסטרייך—447.662 קראָן, צפון אַמעריקע—73502 שטערלינג, דייטשלאַנד—140868 מאַרק, פּוילען און ליטא—130000 מאַרק, האָלאַנד—28701 פל., ענגלאַנד—1396110 שטערלינג, אַרגענטינע—13368 פעזאָס, קאַנאַדאַ—4056 שט., אונגאַרן—18625 קראָן, דרום-אַפריקע—68984 שט., דרום-סלאַווישע לענדער—14940 קראָן, בולגאַריען—18846 לעוואָס, שווייץ—11572 פראַנק, בעלגיען—8329 פ., פראַנקרייך—6978 פ., עגיפּטען—255114 לואיראָר, איטאַליען—697 לירעס. צוזאַמען נאָך מיט אַנדערע לענדער (גריכענלאַנד, שוועדען, נאָרוועגען, שפּאַניען א. א.) באַטרעפט די אַלגעמיינע סומע 1747278 פראַנק.

אין בראַזיליע.

אינ'ם בראַזילישען פּאַרלאַמענט איז אַריינגעטראָגען געוואָרען אַ פאָרשלאַג אויסצודריקען דאַנק דער ענגלישער רעגירונג פאַר איר ציוניסטישער פאַלעסטינע-ערקלערונג. די בראַזילישע רעגירונג האָט אויפגעדריקט איר וואונש צו באַטייליגען זיך אינ'ם מיטווירקען דורכצופירען אָט דעם פּלאַן.

ש. א. הערצפעלד.

ווי מיר האָבען שוין מיטגעטיילט, איז אין טורקעסטאַן דערהרגעט געוואָרען דער פינאַנץ-מיניסטער פון דער טורקעסטאַנער רעפּובליק ש. א. הערצפעלד.

דער פאַרשטאָרבענער איז געווען איינער פון די טיכטיגסטע ציוניסטישע טוער און האָט עטליכע יאָהר פאַרבראַכט אין ארץ, וואו, נים קוקענדיג אויף סאַלמאַטשעיס רעזשים איז ער אַרויסגעטראָטען מיט שאַרפע אַרטיקלען צו באַשיצען די אינטערעסען פון דער אידישער באַפעלקערונג.

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבען די רעוואָלוציע איז ער געווען אין טורקעסטאַן, וואו ער האָט געדינט אין מיליטער; ער איז שוין דאָרט פאַרבליבען. הערצפעלד האָט זיך פאַרנומען מיט אַדוואָקאַטור און געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט.

איצינד איז ער געפאַלען אַ קרבן פון פינסטערע פאַרשוינען.

ל. האָכבערג.

אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז נים לאַנג געשטאָרבען דער רעדאַקטאָר פון „זשען טירק" ל. האָכבערג, וועלכער איז געבוירען געוואָרען אין אָדעס און דערנאָך איבערגעפאָהרען קיין פאַלעסטינע און טערקיי. ער איז געווען איינער פון די איבערגעגעבענסטע ציוניסטישע טוער, באַזונדערס אין דער הויפּט-שטאָט פון טערקיי.

מ. טשערניחאָווסקי.

דעם 10-טען מאַי איז אין קיעוו געשטאָרבען איינער פון די אַלטע משכילים ר' מרדכי טשערניחאָווסקי, וועלכער איז געווען אַ אידישער לעהרער און ערצויגען אַסך תלמידים. דער פאַרשטאָרבענער האָט איבערגעלאָזט אַ פאַמיליע אָהן מיטלען צום לעבען.

ארץ ישראל.

פאַר פאַלעסטינע.

אין בערלין איז געגרינדעט געוואָרען אַ קאָמיטעט „פאַר פאַלעסטינע", אין וועלכען עס זיינען אַריינגעטראָטען די אָנגעזעהענסטע דייטשע געלעהרטע און פּאָליטיקער.

אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג פונ'ם קאָמיטעט זיינען אַרויסגעטראָטען מיט רעפעראַטען וועגען דער באַדייטונג פון ציוניזם פאַר דער דייטשער פּאָליטיק דער פּראָפ. באַללאָד און רייכסטאַגס-מיטגליעד קאָהען-רייס.

פּראָפ. באַללאָד האָט פאַרגלייכט דעם ווערט פון אַמעריקע און פאַלעסטינע פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון די מזרח-אידען און אַנגעוויזען, אַז אין דער צייט ווען אַמעריקע פּראָלעטאַריזירט אַלעמען, גיט פאַלעסטינע די מעגליכקייט פון אַ פּלאַנמעסיגער קולטור-אַרבעט. ווען פאַלעסטינא זאָל ווערען גוט אויסגעבויט און קאָלאָניזירט קאָן זי געבען ערנעהרונגס-מעגליכקייטען פאַר 6 מיליאָנען אידען; די פרוכטבאַרע טאָלען פונ'ם ירדן און הייראַן טויגען פאַר גרויסע פלאַנצונגען פון אָהלביימער, מאַנדלען א. א. עס קאָן זיך אַנטוויקלען מיט דער צייט אויך אַ גרויסער עקספּאָרט.

אויף דער פּאָליטישער באַראַטונג פון אַ אידישער פאַלעסטינע אונטער טערקיי'ס סובערעניטעט האָט זיך אָבגעשטעלט דער דעפּוטאַט קאָהען-רייס. אַנווייזענדיג, אַז די פאָדערונג פון אַ אידישער פאַלעסטינע שטאַמט פון אַ היסטאָרישע אַנטוויקעלטער נויטהווענדיגקייט, ברענגט דער רעפערענט צו פאַקטען וואָס באַווייזען, אַז די קאָלאָניזאַציע האָט זיך דאָרט אַנטוויקעלט און די קאָלאָניעס צאָהלען שוין איצט פאַר דער טערקישער מליכה-קאַסע אַ באַדייטענדע סומע שטייער'ן, וואָס איז פאַר דייטשלאַנד וועלכע איז פאַראינטערעסירט אין די טערקישע פינאַנסען, נים אָהן אינטערעס. אַ אויפבליהענדע פאַלעסטינע איז פאַר דייטשלאַנד, וואָס האָט אַ סך מיליאָנען אַריינגעלייגט אין טערקיי, זעהר וויכטיג. אין דער איינציגער מאַטעריאַל, מיט וועלכען מען קען אויפבויען פאַלעסטינע, זיינען די מזרח-אידען. אַ פאַלעסטינע מיט אַ אויפבליהענדער פּראָדוקציאָן וועט ברענגען גליק אין גלייכער מאָס פאַר די אידען, ווי אויך פאַר די דייטשען און טערקען.

פון דער דייטשער פּרעסע.

די פאַלעסטינע-פראַגע ווערט אין מערב-אייראָפּע אַלץ אַקטועלער און פאַרנעמט אַ חשוב'ען אָרט אינ'ם [illegible] פון די וויכטיגע פּאָליטישע

פראגען. די דײַטשע פרעסע, אפיציעלע ווי די נישט אפיציעלע, ווידמעט דער פראגע כסדר אסך ארטיקלען און באשפרעכונגען. באהאנדעלט זי מצד די אידישע אינטערעסען און מצד דײַטשלאנדס אינטערעסען.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם נײַ געגרינדעטען קאמיטעט „פרא פאלעסטינא", אין וועלכען עס נעמען אריין די אנגעזעהענסטע קריסטליכע דיפלאמאטען, פאליטיקער און פראפעסארען, געפינען מיר אין „בערלינער טאגעבלאט" אן'אינטערעסאנטען ארטיקל פונ'ם באקאנטען פראגרעסיווען דעפוטאט געארג גאטהײַן וועגען דער פאלעסטינע פראגע.

גאטהײַן געהט ארויס פון דעם שטאנדפונקט, אז פאר די מערב-אייראפּעישע אידען, וואס זײַנען אסימילירט דורך דער נאציאן, צווישען וועלכער זיי וואוינען, האט די פראגע וועגען באזעצען פאלעסטינע דורך אידען קײן פראקטישע באדײַטונג ניט. זיי האבען די מעגליכקײַט צו לעבען און זיך אנטוויקלען אין די מערב אייראפּעישע לענדער. גאנץ אנדערש איז עס מיט'ן מזרח-אידענטום, וואס לעבט אין קאמפאקטע מאסען אבגעזונדערט פון דער ארומיגער באפעלקערונג און לײַדט פון רעכט-לאזיקײַט, רדיפות. פאנדאמען ג. א. אז נור די מיטבר פונ'ם מזרח-אידענטום, פון די פוילישע, אוקראינישע, רומענישע, רוסישע אידען האט איינגען דער „פרא פאלעסטינא-קאמיטעט" בײַם קאלאניזירען ארץ ישראל.

אנדערזײַטיג, אז די מלחמה האט געבראכט דערצו, אז פאלעסטינע זאל איבערלעבען, אז אין יענעם לאנד גאבן איינגענעמען ירושלים שטרעבט איצטער די סימפאטיעס פון די אידען, ערקלערט גאטהײַן אז דײַטשלאנד מאר בשום אופן ניט בלײַבען גלײַכגילטיג צו דער פראגע, וועלכע רירט שוין ניט נאר די אינטערעסען פון די אידען, נאר איז איין א לעבענס-פראגע פאר דײַטשלאנד גופא. דײַטשלאנד מוז אנגעמען מיטלען, אז אין פאלעסטינע זאל אויך מיט איר הילף געשאפען ווערען א אידישע קאלאניע, וואס דורך איר וועט איבערלעבען דאס לאנד איין וועלכער דײַטשלאנד זאל אויך האבען אן'אינפלוס. פארשטעהט זיך — שרײַבט גאטהײַן, אז אלץ דארף פארגענומען ווערען אין הסכם מיט דער טערקישער מאכט.

אפיציעלע שמועה.

דער דײַטשער אפיציאז „נאָרדדײַטשע אלגעמײַנע צײַטונג" שרײַבט אין אן'ארטיקל „די ציוניסטישע פראגע", אז אין צוזאמענהאנג מיט דער ערקלערונג פון טאלאאט-פאשא וועגען א גרעסערער אידישער קולטורעלער אנטוויקלונג אין פאלעסטינא און מיט דער ערקלערונג פון גראף טשערנין וועגען א פרײַנדליכער באציהונג מצד דער עסטרײַכישער רעגירונג צו די ציוניסטישע שטרעבונגען קאן מען אין איצטיגען מאמענט רעדען וועגען אן'אײַנהײַטליכער פרײַנדליכער פאזיציע פון די צענטראלע מלוכות צו דער ציוניסטישער פראגע.

די לאגע אין ארץ־ישראל.

פון ארץ-ישראל שרײַבט מען:

די ארבעט אין דעם טערקישען טײַל פון פאלעסטינע ווערט אצינד געפירט ווערען דורכ'ן הילפס-קאמיטעט אין דמשק, אין וועלכען ס'געהן ארײַן דיזענגאף, קאלוואריסקי, בלומענפעלד, שאץ א. א. ד"ר רופין געפינט זיך אצינד אין קאנסטאנטינאפאל.

— אינ'ם טײַל, וואס איז פארנומען דורך די ענגלענדער איז די ארבעט אײַנגעארדענט. בײַם אבטרעטען פונ'ם טערקישען מיליטער האבען געליטען נאר פתח תקוה און עין-גנים.

ניט אזוי רוהיג הערשט אין צפת און טבריה.

— די פאלעסטינע קאמיסיע מיט'ן ד"ר ווײַצמאן בראש איז באלד נאך פסח אנגעקומען קײן ירושלים. דער אגראנאם עטינגער איז מיט איר ניט געפארען, ווײַל ער דארף פארען מיט'ן אמעריקאנישען טײַל פון דער קאמיסיע.

— אין די קאלאניעס זײַנען אלע קאלאניסטען צוריק אויף די ערטער. נאר אין אײַניגע איז פארקלענערט געווארען די באפעלקערונג.

— פון די מלחמה-אומגליקען האט די אראבישע באפעלקערונג געליטען פיל שטארקער, ווי די אידישע. פון דער הונגער-נויט האט זיך די אראבישע באפעלקערונג פארקלענערט אין פאלעסטינע אויף 25 פראצענט.

דער אידישער פאלק.

דער אידישער פאלק, וואס איז אנגעקומען קײן קאהירא, איז דורך דער באפעלקערונג פון דער שטאט באגעגנט געווארען מיט אן'אונגעהײַערען ענטוזיאזם, מיט ווײַסבלויע פאנען און מוזיק אין דער פאלק דורכגעגאנגען די שטאט. א דעפוטאציע פון דער אידישער קהלה האט באגריסט דעם פאלק. באזונדערע אוואציעס זײַנען איבערגעפאלען אויפ'ן גורל פונ'ם לײַטענאנט וולאדימיר זשאבאטינסקי.

„מיר הילען, — האט ענטפערענדיג אויף די באגריסונגען געזאגט זשאבאטינסקי, — באקומען פאלעסטינע ניט אלס געשענק פון פרעמדע הענט. מיט אונזער בלוט וועלען מיר אונז אויסקויפען פאלעסטינע, וועלכע מיר וועלען קײנמאל ניט ארויסלאזען פון אונזערע הענט".

דער אידישער פאלק איז אוועק קײן פאלעסטינע און, לויט די לעצטע ידיעה, איז ער שוין אנגעקומען אין ירושלים.

פארשידענע ידיעות.

דער פארטרעטער פון דער ענגליש-פאלעסטינער קאמפאניע (ציוניסטישער באנק) און פונ'ם אמעריקאנישען הילפס-פאנד האאפיען איז אויפגענומען געווארען דורכ'ן נײַעם ענגלישען מיליטער-גובערנאטאר אין פאלעסטינע, וועלכער האט זיך זעהר אינטערעסירט מיט דער עמיגראנטס-פראגע פון דער אידישער באפעלקערונג.

די צוויי אידישע מיטגלידער פונ'ם ירושלימער שטאט-ראט זײַנען די אנגעזעהענע סוחרים פ. אלישר און שירון.

אין ירושלים ווערען פארגענומען אבער געזעלשאפטליכע ארבעטען צו אנטוויקלען דעם מסחר, מלאכה און קונסט-אויסארבײַטונגען. עס פעהלען אבער פאך-לײַט און ספעציאליסטען.

קײן יפו האבען זיך שוין אומגעקערט אסך עוואקואירטע, צווישען זיי דער יאפוער חכם-באשי. די יאפוער אידישע באפעלקערונג באטרעפט איצט 10 טויזענט מאן. די געבײַדע פון יפו'ער גימנאזיע איז פארנומען פאר א שפיטאל פונ'ם רויטען קרייץ.

אין די קאלאניעס קומט פאר א ענערגישע ארבײַט פון אויפבויען. יפו און ירושלים ווערען פארבינדען מיט קאהיר דורך אן'אײַזענבאן.

אינגיכען וועט אין יפו אנהויבען ערשײַנען א העברעאישע טעגליכע צײַטונג „ארץ ישראל" אונטער דער רעדאקציע פון מ. בן הלל הכהן און ד"ר מוראח.

ניט לאנג איז אין יפו פארגעקומען א קאנפערענץ פון די פארשטעהער פון די קאלאניעס, אין וועלכער עס האבען זיך באטײליגט 42 מיטגלידער. עס איז געשאפען געווארען א צײַטווײַליגע קאמיסיע, אלס א פארטרעטונג פון דער גאנצער אידישער באפעלקערונג. די קאנפערענץ האט געשיקט א באגריסונג דעם ציוניסטישען אקציאנס-קאמיטעט.

אידישע מיליטער קײן פאלעסטינע.

רײַטער'ס אגענטור איז מודיע, אז דער אידישער פאלק אין ענגלאנד וועט טראגען דעם נאמען „קעניגליכע שיסער". בראש פון דעם פאלק שטעהט דער באוואוסטער פאלקאווניק פאטערסאן. אחוץ אײניגע אפיצירען באשטעהט דער פאלק אויסשליסליך פון אידען.

דאס ענגלישע קריגס-מיניסטעריום האט ערקלערט, אז די אידישע סאלדאטען, וואס דינען שוין אין דער ענגלישער ארמעע, קאנען, אויב זיי ווילען, אריבערגעהן אין דעם אידישען פאלק.

ביז איצט זײַנען אין פאלק אריינגעטראטען פיל אידען, אזוי, אז דער קאמפלעקט איז שוין פול.

דער פאלק שטעהט אין דרום-ענגלאנד. שבת רוהען די סאלדאטען, מען דאווענט. די מאכלים זײַנען שטרענג כשר. דער פאלק האט אן'אײגענע ביבליאטעק, אין וועלכער עס זײַנען פאראן העברעאישע און אידישע ביכער.

די באפעהלען ווערען ארויסגעגעבען אין העברעאיש, אידיש און ענגליש.

הגם די ענגלישע רעגירונג האט ערקלערט, אז דער אידישער פאלק וועט געשיקט ווערען אהין, וואו מען וועט איהם נויטיג האבען, דאך אבער קאן מען זיכער זאגען, אז די אידישע באטאליאנען וועלען געשיקט ווערען נאר קײן פאלעסטינע.

עס איז פארעפענטליכט געווארען אן'אפיציעלע ידיעה, אז שפעטער וועט דער אידישער פאלק באקומען א ספעציעל-אידישען נאמען.

א באן צווישען מצרים און פאלעסטינע.

די נײַע דרעה-בריק איבערן סועץ-קאנאל בײַ קאנטארא איז פארענדיגט. פון 15-טען מאי האט זיך גענעפענט דער דירעקטער באן פארקער צווישען קאיר און פאלעסטינע.

רעדאקטאר מ. גראסמאן.
ארויסגעבער י. כהנאוו.

די פארוואלטונג פון קיעווער אידישער קהלה
לאדעט אײַן דאקטוירים ספעציאליסטען, קיראטארן, פעלדשערינס און פארוואלטער מיט'ן דעם אפטייק.
מעלדונג מיט דער „קוריק. וויטע" און די באדינגונגען: טראכסוואטיטעלסקע נאם 3.
פון 12 ביז 2 אזייגער ביז 27 מאי.

דרוקערײַ „התחיה" קיעוו, גרויס-וואסילקאווסקאיא 72.

גרוסען קיין פוילען.

ביילה טשערסקי

(קיעוו, נ. וואל. 27) גריסט איר שוועסטער הינדר קאהן אין ווארשא (גאלעווקי 12) און בעט איר שרייבען.

הערשל מינדשטיין

מיט פרוי און טאכטער גריסען די מוטער, שוועסטער, ברידער, שוואגער שוועגערין מיט די גאנצע פאמיליע, וואס וואוינען טשעדראנאווע. אויך גריסען מיר דעם שוואגער איצע אייזענבערג מיט פרוי און קינדער מיט זיינע עלטערן, וואס וואוינען אין פראגע—ווארשא. מיר אלע זיינען געזונט. מיר האפען אין איניגע חדשים ארום, וועלען מיר קאנען פארען א היים. מיר בעטע, שרייבען אינז בריעף אדרעס: גאמעל, קיזנעטשנא נום. 2.

בצלאל ראזענבערג

מיט פרוי און קינדער אייך הירשל מינדשטיין מיט פרוי און טאכטער און שוויגערין מיט איר חתן גריסען די גאנצע פאמיליע און מיר וואונשען מזל טוב גדליה פערל־מוטער מיט עבקען מיט איר נייע געבוירענעם זוהן, וואס וואוינען אין ווארשא, פאוויא נום. 8. און מיר גריסען די פאמיליע פערלמוטער. אדרעס: גאמעל מאגיליאווסקא 40. מיר אלע זיינען געזונט. מיר בעטען שרייבען בריף.

שאול זאראכאוויטש

פון סטאלין גריסט ר' מנשה חעלער אין סעדלעץ (לובאיא נום. 9) און בעט זייער אויפזוכען זיין זוהן נחמיה זאראכאוויטש אין סעדלעץ ווארשאווסקא נום. 53 און מידיע ווייזען דעם אין די צייטונגען.

די פאמיליע גילדענהארן

פודנאה וואהל.) בעט בליומע גאלדענהארן פון ווארשא (נאוואליפקי 6) און דעם פריינד אהרן ריקלים (שעליאזנע 489) איבערגעבען בנציון קיין בערן) און הערשלען קיין רייפצי: וועגען טויט פון אונזער געליבטען פאטער הרב ר' יעקב שמעון ז"ל, וועלכער איז נפטר געווארען נאך צוויי יאריגער קראנק ט"ו אייר תרע"ח. מיר בעטען אומבאדינגט שרייבען וועגען זייער געזונט. שוין א יאר ניטא פון זיי קיין בריף. מיר אלע זיינען געזונט. גריסען אלע אונזערע פריינד יוסף פיינהאלץ מיט אלע קינדער וואוינען אין מאסקווע.

לייב נוטמאן קלעבאנסקי

גריסט זיינע עלטערן ברודער שוועסטער שוואגער שוועגערין. אין פליטשעניקעס ער איז געזונט. געפינט זיך אין קיעוו אויף דעמיעווקע קיטאיעווסקא 4.

Въ скоромъ времени выйдетъ изъ печати
ПОЭТЪ ІЕГАЛЕЛЪ
(50-ти лѣтняя литературная дѣятельность)
(18—19)
Очеркъ д-ра П. А. Ямпольскаго.
Цѣна съ пересылкой 4 р. 50 к.
Выписывать можно у Управляющаго Отдѣленіемъ Коммерческаго Страхового Общества въ г. Харьковѣ Г. С. Гигелевича,
Московская ул. 13

הועד העירוני מהסתדרות הציונית
מבגוסלאוו מברך את החבריה
מאניה סאפאניק
ליום אריסתה ב' אייר התרע"ח.

פאדערט אומעטום ביי צייטונגס פארקויפער דעם זשורנאל „אויף דער וואך".

דעם 28 מאי ווען עס ערפילט זיך א האלב יאר נאכ'ן
טויט פון אונזער געליבטען חבר
מרדכי בן צבי פעלדשטיין
פלאנצען מיר אויף זיין נאמען א בוים אין הערצל'ס וואלד
סמילער ארגאניזאציע פון דער ציוניסטישער
פארטיי־פראקציע
„צעירי־ציון".

אויף דער וואַך

ארגאן פון ציוניסטישען געדאנק

„ДЕРЪ ТЕЛЕГРАФЪ“
„ОЙФЪ ДЕРЪ ВАХЪ“
КІЕВЪ,
Б.-Васильковская 72.

ערשיינט וועכענטליך.
№ 6.

פרייז 70 קאָפּ.
אויף די וואַקזאַלען 80 ק.
דער פרייז פאַר מודעות: א שורה — 75 ק.
די רעדאַקציע איז אָפען פון 11 ביז 1.

פרייטאג, 7 יוני 1918 קיעוו. כ״ז סיון, התרע״ח.

אינהאַלט: מ. הינדעמאַן: אַרבייט פאַר ארץ־ישראל; ס. גראָסמאַן: אַ פריהצייטיגער שרעק; י. שעכטמאַן: ציוניזם — דער באַפרייער (2); ש. האַמעלסקי: קאַרל מאַרקס און אידען; ל. אַלין: פון דער פינסטערער פאַרגאַנגענהייט; נאָטיצען און אָבקלאַנגען: א) זשאַרגאַניזאַציע מיט גוואַלט — מ.; ב) אידיליע און ווירקליכקייט — מ. ג.; אַ ביט — ר.; סאַבאָטאַזש און קוויעטיזם — מ. ה.; דער קריזיס פון דער אידישער אַווטאָנאָמיע; דאָס אידישע לעבען אויף אוקראַינע; אין דער אידישער וועלט; ארץ ישראל; ציוניסטישע באַוועגונג; צווישען אַנדערע פעלקער; דין וחשבון פון געגענדס־ביוראָ.

אַרבייט פאַר ארץ־ישראל.

כמעט פיר גאַנצע יאָר זיינען מיר אָבגעריסען פון אונזער לאַנד, וואָס איז כסדר אַרומגערינגעלט מיט אַן אייזערנער וואַנד פון מלחמה־אָפּעראַציעס. די רעאַלע באַציהונגען צווישען די אידישע צענטרען אין גלות און דעם נאַציאָנאַלען ישוב אין ארץ־ישראל זיינען איבערגעריסען געוואָרען. די ממשות'דיגע פאַלעסטינע, מיט וועלכער מיר האָבען זיך שוין געהאַט פאַרבונדען דורך טויזענדער פעדים האָט זיך ווידער ווי אָבגערוקט ערגיץ־וואו אין אַ נעפּעלדיגער ווייטקייט פון עתיד.

און דער סינטעטישער ציוניזם, וואָס האָט אין זיך אָרגאַניש פאַראייניגט דעם קאַמף פאַר הוה מיט'ן קאַמף פאַר'ן עתיד, דעם קאַמף אין גלות מיט דעם קאַמף פאַר ארץ־ישראל — האָט צוליב דעם פאַרלוירען זיין אינערליכע גאַנצקייט און גלייכגעוויכט. די רעאַלע אַרבייט פאַר ארץ־ישראל, פאַרבונדען ביז דאַן מיט קאָנקרעטע פאָרשטעלונגען וועגען דעם לאַנד, איז במילא אָבגעשוואַכט געוואָרען און אין דערזעלבער צייט האָט דער קאַמף פאַר אַ בעסערער צוקונפט אין גלות — גאַנץ נאַטירליך — אָנגענומען אַ אונגעוועהנליכען מאַסשטאַב און כמעט איינגעשלונגען אַלע אונזערע שעפערישע כחות. די רוסלענדישע רעוואָלוציע האָט אַוועקגעשטעלט פאַר אונז אַ שורה שווערע און היסטאָריש־פאַראַנטוואָרטליכע נאַציאָנאַלע אויפגאַבען — איבערבויען אונזער גלות־לעבען אויף גאַנץ נייע יסודות, געזונטער און שטאַרקער מאַכען דעם פאָלקס־אָרגאַניזם. און — אפשר נעגען זיין ווילען — איז דער ציוניזם אין רוסלאַנד געוואָרען איינזייטיג, ווייל די מלחמה האָט מיט זיך געבראַכט די אַטראָפיע (אונטעטיגקייט) פון דעם ארץ־ישראל־נערוו, און די רעוואָלוציע — די היפּערטראָפיע (איבערפליסיגע טעטיגקייט) פון דעם געגענוואַרטס־אַרבייט־נערוו. דאָס גלייכגעוויכט איז אויף אַזאַ אופן אָנגעוואוירען געוואָרען.

דאָס אַלץ האָט געווירקט אין געוויסען זין דעמאָביליזירענד אויף די געזונטע יסודות פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די נאַטירליכע און אפשר אונפאַרמיידליכע סתירות, וואָס ווערען אבער געוועהנליך אין'ם פּראָצעס פון געמיינזאַמער פּאַלעסטינע־אַרבייט עטוואָס אָבגעשטומפּט, האָבען פאַר דער לעצטער צייט אָנגענומען אַ צו שאַרפען און בולט'ן כאַראַקטער; די טענדענץ צו „דיפערענציאַציע“ און „פעדעראַציע“ פאַרבאָרגט אין זיך שווערע נסיונ'ת פאַר דער אָרגאַניזאַציע. וואָרום דער מאָמענט, וועלכער פאַראייניגט און שטעלט צונויף תמיד די פאַרשידענע גרו־

פען אין ציוניזם—די ארבײַט פאַר ארץ־ישראל—איז געוואָרען שוואַכער און זײַן השפעה האָט זיך פאַרלוירען אין די ברויזענדע שטורמען פון די געגענוואַרטס־פּראָבלעמען.

אָבער מיר ווײסען, אַז דאָס אַלץ איז נאָר א צײַטווײַליגע ערשײַנונג, א פּועל־יוצא פון דער היפּערטראָפּיע. די נאָהענטסטע צוקונפט וועט און מוז מתקן זײַן דעם שווערען פעהלער. און וואָס גיכער מיר וועלען זיך דערנענטערען צום סוף פון דער מלחמה, אַלץ נאָהענטער וועט ווערען דער אָנהויב פון דער נײַער געמײַנשאַפטליכער ארבײַט פאַר ארץ־ישראל.

שוין איצט שטעלט פאַר אונז גרויסע אויפגאַבען, אפשר — היסטאָריש גענומען — פיל גרעסערע, ווי אין גלות, דאָס באַפרײַטע און ערוואַכענדע לאַנד. עס דערגרײַכען שוין צו אונז די ערשטע ידיעות פון א התלהבותדיגער שאַפונגס־ארבײַט, פון נײַע גרויסע מעגליכקײַטען אין ארץ־ישראל. באַלד וועלען זיך עפענען די אַלטע געאָגראַפישע וועגען אָדער עס וועלען דורכגעטראָטען ווערען נײַע, וואָס וועלען זײַן עקאָנאָמיש און פּאָליטיש פיל ברײטער. די מלחמה האָט דאָך בולט אַנטפּלעקט דעם פאָלקס־ציון בנוגע צו פּאַלעסטינע; ס׳האָבען זיך שוין אָנגעזאַמעלט גרויסע שעפערישע כחות אין אַלע עקען פון דער אידישער וועלט, קרעפטען, וועלכע גרײטען זיך צו בויען אונזער נאַציאָנאַלע צוקונפט. די דאָזיגע כחות וואַרטען בלויז אויף דער רגע, ווען עס וועלען זיך ווידער עפענען די טויערען פון ארץ־ישראל.

אויך אין די טיפעניש פון די פאָלקס־מאַסען זאַמעלט זיך אָן און וואַקסט כסדר דער דאָרשט נאָך שעפערישער ארבײַט אויף א אײגענעם באָדען. עס ווערט רײַף א נײַע עמיגראַציאָנס־באַוועגונג, וואָס טראָגט אין זיך, ווי שטענדיג, קערנער פון געוונטע עלעמענטען. דער עמיגראַציאָנס־שטראָם האַלט זיך קיים אָב — און מיר וועלען אים אפשר דאַרפען צוימען, כדי ער זאָל ניט אויפרײַסען מיט זײַן נאַטירליכען אַנשטורם די אויסערליכע און צײַטליכע מניעות. אמת, מיר ווײסען נאָך ניט, וואָס פאַר פאָר־אַין עס וועט אָננעמען די פּאָליטישע לאַגע פון ארץ־ישראל, אָבער אײן זאַך איז שוין קלאָר: די לאַגע וועגען א אידישער פּאַלעסטינע איז אויסגעוואַקסען אין א גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע פראַגע און די פּאָליטישע קאָניונקטור גיט אונז רעכט צו האָפען, אַז זי וועט געלעזט ווערען אין אונזער זין.

דערפון איז קלאָר, אַז מיר מוזען זײַן גרײט צו די נאָהענטע היסטאָרישע מאָמענטען. א גרויסען טײל פון אינזערע קרעפטען, וועלכע מיר פאַרשווענדען אין גלות פאַר׳ן גלות — דאַרפען מיר באַצײַטענס אָבשפּאָרען פאַר א פיבערהאַפטער און סיסטעמאַטישער ארבײַט לטובת ארץ־ישראל. די רעאַקציע קען אפשר אַנדערע צווינגען צו אונטעטיגקײַט, אונז קען אָבער קײנער ניט אָבהאַלטען פון מעשים לטובת אונזער רעיון, פאַר פּראַקטישע און קאָנקרעטע מעשים. די גרויסע מעגליכקײַטען לעגען ארויף אויף אונזער דור אוננעהײַערע התחיבות׳ן: אויסצומײַדען די אַנאַרכיע בײַם דראַנג קײן ארץ־ישראל; צוגרײטען דעם נויטיגען מענשען־מאַטעריאַל, מאָביליזירען דעם גרויסען און קלײנעם קאַפּיטאַל; געווינען פאַר אונזער זאַך די סימפּאַטיע און מיטווירקונג פון די אידישע ניט־ציוניסטישע עלעמענטען, צוציהען צו דער ארבײַט אַלע וויסענשאַפטליכע כח׳ת א. א. וו.

מען דאַרף דערבײַ תמיד האָבען אין זינען, אַז די ארבײַט פאַר ארץ־ישראל איז שוין לאַנג אויסגעוואַקסען פון יענעם מאַסשטאַב, אין וועלכען מיר האָבען זי געטון פאַר דער מלחמה. מיר שטעהען פאַר אויפגאַבען, וואָס זײַנען מלוכה׳ש־נאַציאָנאַל, פאַר געלד־אָנזאַמלונגען, וואָס פאָדערען ניט, ווי אַמאָל, באַשײדענע מיליאָנען, נאָר מיליאַרדען. אַנשטאַט דער פריהערדיגער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק אין ארץ־ישראל מיט אַלע אירע קלײנע אונטערנעמונגען, וואָס האָבען געהאַט א ווערט מער ניט ווי עקספּערימענטען און קרעפטס־פּראָבען. אַלס גרינדונגען אַן אין פאַר זיך, מוזען מיר צוטרעטען צו דער קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל מיט א אײנגעאַרבײַטען פּלאַן און גרויסע אינטעלעקטועלע און מאַטעריעלע מיטלען. די אַלע אויסערע מניעות, וואָס זײַנען אונז געשטאַנען ביז איצט אויפ׳ן וועג, זײַנען באַזײַטיגט געוואָרען און אַלץ הענגט איצט אָב פון אונז גופא.

מיר מוזען זײַן מעגליכסט פאָלקאָם גרײט און מאָביליזירט צו יענעם מאָמענט, ווען מיר וועלען קענען אָנהויבען ארבײַטען אין ארץ־ישראל ניט אײַנגעענגב׳עטערײַט, ווי פריהער, נאָר פרײַ און פראַנק, ניט פאַרבאָרגענדיג אונזערע פּלענער אין כונת צו שאַפען א אידישען נאַציאָנאַלען מלוכה׳שען צענטער. און ווער ווײסט, אפשר דאַרפען מיר טראַכטען וועגען דעם ווי אַזוי שיקט מען איבער דעם נויטיגען מענשען־מאַטעריאַל קײן ארץ־ישראל שוין איצט בעת דער מלחמה, וואָס קען נאָך דויערען יאָרען. די אידישע יוגענד דאַרף זײַן גרײט אויך דערצו, אַז נאָך בשעת דער מלחמה וועט זי מוזען ברענגען קרבנות פאַר ארץ־ישראל אויף דעם באָדען פון ארץ ישראל. אמת, דער דאָזיגער וועג איז דערהויבט פאַר יחידים, פאַר שטאַרקע.

די גרויסע מאַסען פון דער ציוניסטישער יוגענד און פון די אַרבײַטענדע קרײַזען דאַרפען זיך אָר־

גאַניזירען אין ספּעציעלע פאַרבאַנדען און גרופען — „החלוץ", „השומרים", „מכבי" און אַזוי ווײַטער. זײ דאַרפען זײַן דער אַוואַנגאַרד, נאָך וועלכען עס וועלען אָנהויבען פליסען די מאַסען. זאָלען שוין איצט אין איטליכער שטאָט און אין יעדען שטעטעל אָרגאַניזירט ווערען אַזעלכע גרופען, זאָל מען זיך שוין איצט גערודינג און מיט התמדה גרײטען צו דער שווערער ארבײט אין פּאַלעסטינע. מען דאַרף קענען דאָס לאַנד, וואוהין מען האָט בדעה אריבערצופאָרען און מען דאַרף ווערען הײמיש ניט בלויז מיט דער געשיכטע, נאָר אויך מיט יעדען בערגל און טײַכל פון ארץ־ישראל.

דעם עלטערען, געזעצטען דור שטעהט פאַר ניט קײן קלענערע און ניט א ווענינער פאַראַנטוואָרטליכע ארבײַט: אָרגאַניזירען דעם פּאָטענציעלען אידישען וואַנדערער, פאַראײניגען דעם אידישען מיטעלען און קלײנעם קאַפּיטאַל, צונויפבינדען אין באַזונדערע חברות די אידישע בעלי־מלכות. דער אידישער קאַפּיטאַל מוז מאָביליזירט ווערען פאַר ארץ־ישראל, און פאַר יעדען אידען דאַרף געשטעלט ווערען די ברירה פון איבערוואַנדערן צו זיך אַהײם. שוין איצט מוזען געשאַפען ווערען אויף די ערטער גרעסערע און קלענערע געזעלשאַפטען פאַר קויפען ערד אין ארץ־ישראל, פאַר דער גרינדונג פון געשעפטען, קראָמען, קלײנע פאַבריקען, פּלאַנטאַציעס און אַזוי ווײַטער. ס׳איז א שטילע אַרבײַט, וואָס קען ברענגען פּרוכטען ערשט אין יאָרען אַרום, אָבער זי וועט באַפרײַדיגען שפּעטער די באַדערפעניש און וועט שטילען דעם אומרוה פאַר דעם קינפטיגען גורל.

געווינען פאַר אונזערע ארבײַט די וויסענשאַפט, זי אויסנוצען פאַר די נאַציאָנאַלע צוועקען, שטעלען אויף וויסענשאַפטליכע יסוד׳ות די גאַנצע קאָלאָניזאַציע—דאָס איז די אויפגאַבע פון די צענטראַלע אָרגאַנען, וועלכע דאַרפען דערצו גרינדען ספּעציעלע „געזעלשאַפטען פאַר דער אויפלעבונג פון ארץ־ישראל" און פאַראינטערעסירען מיט אונזער טעטיג־קײט די ברײטע קרײַזען פון דער ניט־אידישער געזעלשאַפט, ווי דאָס ווערט איצט געטון אין ענגלאַנד און דײַטשלאַנד.

און אויסער אַלעמען: עס מאָר דערבײַ אפילו אויף קײן אײן רגע ניט אָבגעשוואַכט ווערען די ארבײַט פאַר אונזערע אַלטע דעמאָקראַטישע און נאַציאָנאַלע אינסטיטוטען, נאָר, אדרבה פאַרשטאַרקט און פאַרגרעסערט ווערען. דער אידישער נאַציאָנאַל־פאָנד, די שענסטע שאַפונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע מוז ווידער, ווי אין די ערשטע יאָרען, ווערען די אמת׳ע פאָלקס־אינסטיטוציע, די פּאָפּולערסטע און באַליבסטע. און גראָד די ציוניסטישע יוגענד און דוקא די ארבײַטענדע מאַסען זײַנען בלוטיג פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז דער נאַציאָנאַל־פאָנד זאָל ווערען דער בעלי־הבית איבער דעם גאַנצען פּאַלעסטינישען באָדען, אַז ער זאָל זײַן דער גרעסטער און מעכטיגסטער רעגולאַטאָר בײַ דער קאָלאָניזאַציע.

נאָר ווער קען דען אויסשעפּען אַלע באַדערפענישען, ווער קען דען אָנווײַזען אַלע וועגען, וואָס פירען צו דער אויפלעבונג פון א לאַנד? פילפאַרביג און פאַרשידענאַרטיג איז די ארבײַט פאַר ארץ־ישראל. גרויסע מעגליכקײַטען, גראַנדיעזע אויפגאַבען. אָבער זײ מוזען איצט געשטעלט ווערען אויפ׳ן סדר־היום פון׳ם ציוניסטישען לעבען, זײ מוזען ווערען דער צענטער, ארום וועלכען עס זאָלען זיך זאַמלען אַלע שעפערישע כחות. ארץ־ישראל ווערט צײַטיג אויפצונעמען די כוואַליעס פון נאַציאָנאַלע ארבײַטער,—מוז אויך דאָס פאָלק זײַן רײַף און ווערדיג צו באַפרוכטפערען דאָס לאַנד פון אונזערע האָפנונגען.

מ. הינדעמאַן.

א פריהצײַטיגער שרעק.

I.

ווען מען לײענט כסדר די אַרטיקלען און ידיעות וועגען אונזער נײַער אָרטאָדאָקסישער באַוועגונג, באַזונדערס וועגען די לעצטע אָרגאַניזאַציאָנס־באַשטרעבונגען מצד די פרומע אידען, פאַלט אָן אָפּט ממש א אימה ופחד. מען שטעלט עפּעס פאַר די דאָזיגע ערשײַנונג אַזוי, ווי עס רוקט זיך אָן אויף אונז, בידנע ליבעראַלע און פּראָגרעסיווע אידען, א „שוואַרצע סכנה", אַז אין די שולען און בתי־מדרשים ווערען געשמידט קײטען פאַר׳ן פאָלק ישראל און „שוואַרצע קראָהען" גרײטען זיך צו רעסטאַווירען דאָס אַלטע אידענטום מיט אַלע זײַנע חסרונות. נאָך מער: מען שרעקט דעם עולם מיט קלעריקאַליזם, מיט אַגרעסיווע אַטאַקעס פון די פאַראײניגטע כלי־קודש, מען נאַרטעלט אונטער די ל׳ענדען און מען רופט אַלעמען צו א ביטערען קאַמף מיט דער „פינסטערער מחנה", וואָס וויל באַראַבעווען בײַ אונז אַלע פרײַהײַטען.

און ווען דער פשוט׳ער איד, וואָס איז ווײַט פון דער פּאַרטײיִשער פּאָליטיק, וועלכע ווערט אָפּט געבויט אויף פּאָפּולערע און וואַקלענדיגע לאָזונגען; ווען א איד, בפרט פון דער פּראָווינץ וואָס איז נאָך דערצו געהאָפט אויף מאָרגען ראַדיקאַליזם, לײענט איבער אַט די אַלע מוראדיגע התראות, ווערט ער גוואַלדיג אויפגערעגט, און הויבט אָן באמת צו גלויבען, אַז אונז דראָהט טאַקי א ערנסטע

סכנה... מילא, דאס אלץ וואלט נאך געווען ניט אזוי שרעקליך, ווען די דאזיגע וועה־געשרייען וואלטען ניט פאַרדרעהט דעם ווירקליכען מצב, ניט פארטונקעלט די ריכטיגע סיטואציע און ניט געגעבען א פאלשע אבשאצונג פון דער אמת׳ער כח־פארהעלטעניש אינ׳ם אידענטום, —פון דעם, וואס עס איז סוף־כל־סוף נוצליך און וואס עס איז שעדליך.

ס׳קען זיין, אז איך וועל דערפאר געשטעמפעלט ווערען אלס א רעאקציאנער, וואס חנפ׳עט די קלעריקאַלען און פארטיידיגט זיי, נאר כ׳געפין פאר נייטיג אפען, קלאר און דייטליך צו זאגען, אז איך באטראכט אט די אלע התראות און יללות—סיי זיי געהען ארויס פון די בונדיסטישע קרייזען, סיי זיי לאזען זיך הערען מצד די צעירי־ציון,—פאר אן׳אויסגעטראכטען, קינסטליך אויסגעפוצטען און פריהצייטיגען ליאַרם, פאר א מין דאָן־קיכאטישען קאמף מיט ווינד־מילען און טײַוולאנים, וואס זיינען מיט א שוואכער קינדערשער האנד אויסגעמאלט אויף שווארצע ווענד, בפרט איצט, ווען די אידישע ארטאדאקסיע האלט זיך ערשט ביים ארגאניזירען, ווען זי הייבט ערשט אָן צו פארלאזען די ווארימע בענק ביי די בית־המדרש׳דיגע אויווענס.

לאָמיר אויף איין רגע אָבטרייסלען פון זיך די מאָמענטאלע, ענגע פארטיי־אינטערעסען, וועלען מיר באלד קומען צום געדאנק, אז ניט באדויערן די אָרגאניזירונג פון דער אידישער אָרטאָדאָקסיע דאַרפען מיר, נאָר, אין א געוויסען זין, באגריסען זי און באצייכענען די דאָזיגע שטרעבונגען אלס געווינטשטע, נוצליכע און—אָביעקטיוו גענומען—פּראָגרעסיווע. וואָרים, כל זמן די נייע אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציעס, אָט די אלע „אחדות ישראל", „נצח ישראל" און אזוי ווייטער האָבען בדעה צו אָרגאניזירען און פאַראייניגען יענע ברייטע אידישע מאסען, יענע מיליאָנען שול־אידען, וואָס זיינען עד היום נאָך א טויטער באלאסט אין אידענטום, א פּאָליטיש אינדיפערענטער און אָבגעשטאנענער המון, וואָס באטייליגט זיך פאקטיש ניט אין דער אלגעמיינער שעפערישער־ארבייט; אזוי לאַנג ווי מען בויט נייע אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרמען און מען דערוועקט אין דעם המון־עם, אין אונזער פאָלקס־שטיב, וואָס האָט סיי־ווי טיף אין הארצען פינקען פון אמונה, אויך א רצון צו מעשים און פאָליטישען אקטיוויטעט—דאַרפען באוואוסטזיניגע אידישע פּאָליטיקער קוקען אויף דעם אלעמען מיט רוהיגע אויגען, אפשר אפילו מיט סימפאטיע, אָבער לכל הפחות ניט מיט פיינדשאפט.

ס׳איז דאָך אַן׳אַלטער כלל: עס איז בעסער און רעעלער צו קעמפפען מיט אַ געגנער און אפילו מיט א שונא, וועלכער איז אָרגאַניזירט, איידער מיט א צעשראָקענער סטאדע, וואָס האָט ניט קיין צענטר, ניט קיין איינהייטליכען ווילען, ניט קיין דעת הקהל און ניט קיין אחריות. דער קלעריקאַליזם—אויב מען קאָן בכלל איצט רעדען מכח א אידישען קלעריקאַליזם—איז פיל געפערליכער און שעדליכער, ווען ער איז ערגעץ־וואו פאַרבאָרגען און האנדעלט בסוד־סודות. די סכנה איז א סך טיפער און די קרעפטען פון צביעות און פאלשקייט ווירקען פיל שטערקער, ווען זיי באהאלטען זיך אין די טונקעלע ווינקלאך פון א נאסען חדר׳ל.

מען דאַרף קוקען אויף דער אָרגאַניזירונג פון דער אידישער אָרטאָדאָקסיע מיט אנדערע אויגען, ווי עס טוען דאָס אונזערע קליינשטעטלדיגע פּאָליטיקער און זייערע ראַדיקאַלע פירער אין די גרויסע שטעט. מען טאָר ניט פארלירען די היסטארישע און אָביעקטיווע פּערספּעקטיווע. און דער זין פון דעם, וואָס עס קומט פאָר פאַר אונזערע אויגען איז דאָך גראָד קודם כל דער: אַנ׳אָבגעשטאַנענער און אינערטער טייל פונ׳ם אידישען פאָלק הייבט אָן אויפצולעבען, געהט ארויס אויף דער ברייטער גאס און דריקט אויס זיינע פארלאַנגען אָפען און דרייסט.

ביי א סך פון אונז גילט פאַר א ליבעראַל־ראַדיקאַלען כלל, כמעט פאַר אַנ׳אַקסיאָמע, אז אונזער אָרטאָדאָקסיע איז בלויז דער אויסדרוק פון אָט דעם אַלטען, אָבגעשטאָרבענעם אידענטום, אז די איינציגע כונה פון אירע אָרגאַניזאַציאָנס־שטרעבונגען איז: מיט אלע כחות צו ערהאַלטען דאָס אָבגעלעבטע און אָבגעשטאָרבענע; זי—זאָגט מען—איז פינסטער, רעגרעסיוו, אַנטידעמאָקראַטיש, זי רופט דאָס פאָלק צוריק אין דער פינסטערניש און אזוי ווייטער אין דעם באַקאַנטען נוסח. לאָמיר אָננעמען, אז דאָס זיינען לויטער אמת׳ן. פרעגט זיך: צי די אָרגאַניזירונג פון דער אָרטאָדאָקסיע, באַזונדערס אין אייראָפּעאישע פאָרמען, פאַרערגערט די לאַגע צי עס פאַרבעסערט דעם אלגעמיינעם מצב אין פאָלק, ד. ה. צי דערמיט, וואָס די אָרטאָדאָקסישע עלעמענטען אָרגאַניזירען זיך און ווערען אָפּט ואנאר „קאַמפּס־לוסטיג", פאַרשטאַרקט זיך ביי אונז די אינטאָלעראַנץ און פאַנאַטיזם, צי פאַרקערט, די דאָזיגע באַשטרעבונגען ברענגען אריין אונדירעקט ליכט און בילדונג אין געוויסע פאָלקס־קרייזען?

פאַר אַנ׳אָביעקטיווען־צושויער איז קלאָר דאָס צווייטע. שוין דאָס אליין, וואָס די אָרטאָדאָקסיע, דאָס בית־המדרש־אידענטום מוז אָננעמען מאָדערנע אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרמען און ווערט ארויסגעשלעפּט פון די שילען אין די פאַרזאַמלונגס־זאַלען, פון די בימות צו די טריבונעס, דאָס, וואָס

זי באגעגענט זיך מיט די פאָרשטעהער פון פרייען געדאַנק—איז א שריט פאָראויס, א פּראָגרעסיווע ערשיינונג. דורך דעם ווערט דאָך קודם כל צושטערט די מחיצה צווישען „וועלטליכקייט" און „רעליגיע", עס ווערט אָבגעפרישט די לופט אינ׳ם אָבגעזונדערטען ווינקעל־אידענטום. וואָס אָפטער די אָרטאָדאָקסיע און אירע פירער וועלען זיך באַגעגענען מיט דער „היינטיגער וועלט", בפרט מיט די פאָרשטעהער פונ׳ם נאַציאָנאַלען געדאַנק, אַלץ מער וועלען זיי זיך מוזען צופאסען צו איר, געהען אויף פשרות, און אויף אזא אופן נאָכגעבען דעם באַפעהל פון דער צייט.

די אַלטע פאַנאַטיש־פרומע אידען האָבען געהאַט אין זייער רשות פּרימיטיווע קאַמפּס־מיטלען, מיט וועלכע זיי האָבען תמיד דערגרייכט דעם היפוך: זיי האָבען אָפּערירט מיט חרם, מיט פארטרייבונגען, אָפּילו מיט מסירות. איצט וועט די אָרגאַניזירטע אָרטאָדאָקסיע מוזען אויסבייטען נאָר נייע מיטלען און וועגען, כדי צו באַקעמפּען די אָפּיקורסות און אָרגאַניזירען דעם ווידערשטאַנד פון די „תורה־טריישע" אידען קעגען דער סכנה פון די פרייע און „גאָטלאָזע" אידען. די ריין מעכאַנישע מיטלען העלפען ניט, דאַרף מען אַריינקוקען אין תוך. און מיר האָבען דאָס געזעהען שוין אין אַמעריקא און דייטשלאַנד. דאָרטען האָט די אָרטאָדאָקסיע געשאַפען מוסטער־האַפטע שולען, קינדער־היימען, שפּאָר־קאַסען, פּראָפעסיאָנאַלע פאַראיינען און סעמינאַריעס. אין אַמעריקא האָבען די אָרטאָדאָקסען איינגעפירט אידיש אין די פרומע תלמוד־תורות, כדי אויף אזא מין וועג צו קאָנקורירען מיט די פרייע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולען און זייערע פרומע שולען זיינען דער היפוך פון די אַמאָליגע חדרים, זיי זיינען לופטיג, פריש, היגיעניש.

פירט, אַלזאָ, די אָרגאַניזאַציע פון דער אָרטאָדאָקסיע צו אַ ערגערעם אָדער צו אַ פּראָגרעס? ברענגט זי נוצען דעם פאָלק, צו שאַדען?—דעם פאָלק, וואָס 60 פּראָצענט פון אים דאַווענט סיי־ווי אין די שוהלען.

פאַר יעדערען דאַרף זיין קלאָר נאָך איינס: אויב די אָרטאָדאָקסיע וועט וועלען ווירקליך בלויז ערהאַלטען די אייסערליכע טויטע פאָרמען פון אַמאָל דעם „אָבגעשטאָרבענעם און פּוסטען תוכן פינ׳ם אַלטען אידענטום", אויב זי וועט באמת פאַרבלייבען אַזוי פינסטער, ווי ביז איצט, דאַן וועט זי דאָך במילא חרוב ווערען אין קאַמף מיט די נייע פרייהייטליכע אידען, אין א אָפענעם שטרייט מיט דעם וועלטליכען אידענטום. ביז איצט איז זי געווען באַהאַלטען, פאַרבאָרגען; האָבען מיר ניט געוואוסט, וואָס זיי פאַרמאָגען און זיי האָבען ניט געשעצט דאָס, וואָס מיר האָבען שוין דערגרייכט. איצט וועט פאַרקומען אַנ׳אָפענע און ווערדיגע מלחמה. און מנצח זיין וועט—לויט דעם געזעץ פון דער טבע—דער שטאַרקערער און געזונטערער. וואָס־זשע האָט מען אַזוי מורא? וואָס שרייט מען אַז „פלשתים עליך ישראל!" אדרבא, מען דאַרף דאָך זיין צופרידען, וואָס דער פיינד נעהט ארויס פון די פינסטערע נאָרעס און באַווייזט זיך אין דער אָפענער וועלט. ס׳איז דאָך בעסער און נוצליכער. וואָס שטאַרקער און גיכער עס וועט פאַרקומען די אָרגאַניזאַציע פון דער אָרטאָדאָקסיע אַלץ גרעסער וועט זיין דער נסיון פון די אָרטאָדאָקסישע מאַסען, וואָס וועלען פאַר זיך דערזעהען נייע וועלטען, און אפשר, אַלץ שנעלער, די קאַטאַסטראָפע פון די רעסטאַווראַטאָרען. די אָרטאָדאָקסישע מאַסען וועלען אַרויסגעבראַכט ווערען פון די טונקעלע בתי־מדרשים, זיי וועלען אָבגעריסען ווערען פון דער רבנישער השפּעה, זיי וועלען ווערען צוגענגליך פאַר אונזער אַגיטאַציע, זיי וועלען ווערען מער וועלטליך, אָבגעפרישט און דאַן וועלען זיי קענען משפּט׳ן, וואו ס׳איז לעבען און וואו נאָר טויטע שאַלעכץ פונ׳ם אָבגעשטאָרבענעם דעת.

און ועל כלם: פון פאָלקס־שטיב וועלען אויסגעקנאָטען ווערען ציגעל, וועלכע וועלען צונויף קומען ביי דער בויאונג פונ׳ם נאַציאָנאַלען בנין.

(סוף קומט).

מ. גראָסמאַן.

ציוניזם—דער באַפריער.

.II

דערמיט, וואָס מיר וואָלטען געשטרעבט דורכאויס צו רעסטאַווירען און ערהאַלטען אין פּאַלעסטינע דוקא די עקזיסטירענדע טראַדיציאָנעלע פאָרמען פון אונזער קולטור, וואָלטען מיר אומבאַוואוסטזיניג אַריבערגעטראָגען אין דעם פּאַלעסטינישען לעבען די פּסיכאָלאָגיע פונ׳ם גלות. דאָס גלות־לעבען פאַרבאַרגט אין זיך תמיד א שטאַרקען באַנגער צו קאָנסערווירען דאָס, וואָס עס עקזיסטירט נאַטירליך. דאָס ווערט ערקלערט דורכ׳ן פּשוטען אינסטינקט פון זעלבסטערהאַלטונג. פון אַלע לעבענסקוואַלען שטרוימען כוואַליעס פון א מעכטיגער פרעמדער קולטור, וועלכע אַסימילירט מיט גוואַלט דאָס צערשטרייטע אידענטום, מאַכט א תל פון די נאַציאָנאַלע לעבענס־פאָרמען, וועלכע האָבען זיך אויסגעאַרבייט אין משך פון דורות. די נאַטירליכע רעאַקציע געגען דעם דאָזיגען פּראָצעס פירט צום פאַנאַטישען וואונש מיט אַלע מיטלען איינצוהאַלטען די איינגענע קולטורעלע פאָרמען אהן שום שנוים. דאָ ווערט שוין די אָבהיטונג פון אָט די פאָרמען פאַרבונדען מיט דער עקזיס־

טענץ פון דער נאציאן גופא, אלס א באזונדערע אײנהײט פארלירענדיג זײ, שאפט ניט די נאציאן קײן נײע פארמען, נאר זי ווערט פארמשפט אײנגעשלינגען צו ווערען דורך א פרעמדער קולטור. און דערפאר האלט זיך דאס אידענטום פיבערהאפט בײ יעדען קלײנעם שטריך פון זײן קולטור און לעבענסשטײגער. בײ די אומשטענדען פון גלות איז אזא אבהיטענדע פאליטיק אונפארמײדליך און גאנץ געזעצליך.

אָבער דער ציוניזם איז קודם כל א באפרײער. ער באפרײט די נאציאן פון דער קאנסערוואטיווער פאליטיק, צו וועלכער זי ווערט גענויטיגט דורך אומשטענדען פון גלות, ער איז ווײט פון דער כונה איבערטראגען זי אין די פאלעסטינישע באדינגונגען, ווײל אזא פאליטיק איז נאר א מיטל, אָבער נישט קײן זעלבסטצוועק. ווען עס וועט אבער ניט זײן די באדערפעניש צו פארטײדיגען זיך געגען דעם דראנג פון א פרעמדער קולטור, פון דער געוועלטיגענדער מעהרהײט, ווען דאס אידענטום וועט אלײן, אלס א מעהרהײט, פרײקענען באשטימען די פארמען פון זײן קולטורעלען לעבען, דאן וועט מען קענען אבווארפען אָט דעם אומנויטיגען מיטל צו קולטיווירען דוקא די טראדיציאנעלע קולטורעלע פארמען. דאס וועט שוין מער ניט זײן נויטיג. די קולטור, ווי אויך די רעליגיע, וועלען אויפהערען צו דינען פאר א מיטל פון זעלבשוץ, פאר א פאנצער, וועלכען מען טאר אויף קײן האר ניט אראבריקען, כדי ניט אנטפלעקען די שוואכע ערטער. און צוזאמען מיט דעם וועט עס אויפהערען צו זײן א „מאבוי". עס וועט געעפענט ווערען א ברײטער וועג ניט נאר פאר רעסטאווירענדע, נאר אויך פאר רעפארמירענדע פרובען; דאמאלס וועט מקוים ווערען דאס, וואס קאן אין גלות בשום אופן ניט פארווירקליכט ווערען, — די באהויפטונג פון דובנאוו'ן, אז „מ'קאן זײן א איד ע"פ: נביאים און תלמוד, ע"פ רמבם און שולחן-ערוך, לויט מענדעלסאָן אָדער לויט'ן בעל-שם, אפילו ע"פ שפינאזא און גײגער".

אָט דאס דארף מען פעסט געדײנקען און מאכען דערפון די געהעריגע פיעל-יוצא'ס. דער ציוניזם דארף ערקלערען נײטראליטעט אין די פראגען פון קולטור, ווי ער האט דאס שוין געטון אין די פראגען פון רעליגיאן.

פרינציפיעל (איך שטרײך דאס אונטער) איז דער ציוניזם ניט פארבונדען מיט קײן אײנער פון די עקזיסטירענדע אידענטום קולטורעלע שטרעמונגען. ער איז צו זײ ניט גלײכגילטיג, נאר ער נעמט זײ אלע ארום און דינט זײ אלעמען. ער שטרעבט צו שאפען פאר זײ די נויטווענדיגע באדינגונגען פאר א פרײען און גלײכבארעכטיגטען קאמף פאר אויבערמאכט, א קאמף אין וועלכען קײן אײן צד וואלט ניט מורא געהאט צו צוברעכען עפעס אינ'ם געשמידטען שוץ-פאנצער פון פאלק. ער וועט זײ פרײ מאכען די הענט דורך דער שאפונג פון א אידישער מעהרהײט, וועלכע שטירט זעלבסטענדיג איר קולטורעלען גורל. וואס איז א תנאי מוכרח פאראווירקליכען שאפען, אומאבהענגיג פון דער שאפונגס-פארם.

אָט דעם דאזיגען תנאי מוכרח דארף נעמליך שאפען דער ציוניזם, ניט מער. בנוגע צו קאלאניזאציע איז מיט רעכט געוואָרען פאפולער די פאָרמול: מיר ווילען אין פאלעסטינע ניט שאפען קײן „דינגען" (זאכען, פארטיגע געגענשטענדען), נאָר באדינגונגען. דער זעלבער פרינציפ דארף אָנגענומען ווערען אין דער פראגע פון קולטור. דער ציוניזם דארף זיך באוואוכטזיניג באגרעניצען: ער איז נאר א באפרײער פון דער דריקענדער אלטער אבהיטענדער גלות-פאָליטיק, אָבער ניט קײן שאפער פון נײע קולטורעלע פאָרמען. ער דארף שאפען ניט די קולטורעלע ווערטען גופא, נאָר די תנאים צו זײער אנטוויקלען.

און הויפטזעכליך דערמיט ווערט אײנגעשעפט זײן היסטאָרישע ראָליע.

דערפון קאָן זיך אפשר אויסדוכטען, אז אונזער פאָזיציע בנוגע צו העברעאיש שטעהט אין ווידערשפרוך צו דעם אויבענדערמאָנטען געדאנק; מיר פלאנצען דאָך אײן די העברעאישע שפראך אין פאלעסטינא, מיר קעמפען דאָך קנאות'דיג פאר איר איבערהערשאפט דאָרט לחל מין ניט.

פאר וואָס טוהען מיר דאָס?

מען דארף זיך גענוי און דײטליך קלאָר מאכען דאָס אלץ. וואס ווערט געטון לויט רײנע פרינציפיעלע טעמים. ניט דערפאר דארף העברעאיש קולטיווירט ווערען, ווײל דאָס איז די היסטאָרישע שפראך פון אונזערע אבות, ווײל עס איז א פאלעסטינישער פראָדוקט א. א. וו. נײן, די דאָזיגע טעמים זײנען בעצם אינערליך פרעמד דעם ציוניזם. העברעאיש ווערט דורך אונז אזוי קולטיווירט דערפאר, ווײל אין פאלעסטינע איז עס אנ'אמתע נויטווענדיגקײט. העברעאיש איז די אײנציגע שפראך, וואס קאָן פאראײניגען און צונויפשמעלצען די פארשידענשפראכיגע עלעמענטען פונ'ם וועלט-אידענטום. העברעאיש איז א נאציאנאל-פאָליטישער מוז און נאר דערפאר ווערט עס דורך אונז קולטיווירט. העברעאיש האָבען מיר אויסגעקליבען ניט צוליב פרינציפיעל-היסטאָרישע, נאָר צוליב פראקטישע טעמים פון צוועקמעסיגקײט. די דאָזיגע שפראך פארנעמט אנ'אָרט אין דער ציוניסטישער פראָגראם, אָבער

ניט אין דער ציוניסטישער קאָנצעפציע, ווי פאלעסטינע, פאָדערט אויך זי א באזונדערע באגרינדונג, וואָס זאָל זײן פאראלעל דער גרונד-קאָנצעפציע פונ'ם ציוניזם, א באגרינדונג, וואָס אלע אירע ארגומענטען ליגען ניט אין דער אידעע גופא, נאָר אין פראקטישען מקור, זי איז ניט פארבונדען אינערליך מיט דער אידעע פון דער אידישער אויפלעבונג.

ווארום מ'קאָן דאָך ניט זאָגען, אז די עקזיסטענץ פון א נאציאָן איז ענג פארבונדען מיט דער אָדער יענער שפראך, אז דאָס פארליערען פון א געוויסער שפראך פירט צו דער פארניכטונג פון דער נאציאָן, אלס א באשטימטען קולטורעלען היסטאָרישען מין.

איבערצונעמען א אנדערע שפראך איז אן און פאר זיך נאָך ניט קײן אסימילאציע. אסימילאציע קומט פאר דאן, ווען עס ווערט אנגענומען די שפראך פון דער ארומיגער סביבה. די נאציאנאלע ראָלע פון דער שפראך איז אין אײן צײט א פאראײניגענדע און א איזאָלירענדע. פון אײן זײט איז זי א פאקטאָר פון פסיכישער געגענ-ווירקונג פון אלע מיטגלידער פון א געוויסער נאציאנאלער גרופע. זי פארבינדט זײ, שמעלצט זײ צונויף. פון דער אנדערער זײט שמעלצט זי צונויף נאָר זײ. זײענדיג אנ'אלגעמײנע פאר אלע מיטגלידער פון דער געגעבענער נאציאָן מאכט זי שוואך זײער געגענווירקען בײ אײניגונג מיט אנדערש שפרעכענדע עלעמענטען. די ערשטע, פאראײניגענדע אויפגאבע קאן ערפילען יעדע שפראך וואָס איז נאָר אלגעמײן פאר דער גאנצער נאציאָן. ס'איז קײן חילוק ניט, צי דאָס איז א אײגענע אדער א פרעמדע שפראך; ס'איז נאָר וויכטיג, אז זי זאָל זײן די שפראך פון דער גאנצער נאציאָן. דאָס אָננעמען פון א פרעמדער שפראך איז מסוכנדיג נאָר דאן, ווען זי ווערט אָנגענומען נאָר פון געוויסע שיכטען פון פאָלק. דורך דעם ווערט אָנגעריהרט די אחדות פון פאָלק, ווײל עס ווערען געשאפען צווײ פארשידענע פאקטאָרען פון געגען-ווירקונג, פון וועלכע יעדער איז צוגענגליך נאָר פאר א טײל פון פאָלק. די „פראנציזירונג" פונ'ם רוסישען אדעל אין 18-טען און אין אנהויב פון 19-טען יאָהרהונדערט האָט געטראָגען אָט אזא מין כאראקטער. ווען די פראנצויזישע שפראך זאָל געוועזען איבערנעמען דאָס גאנצע רוסישע פאָלק, וואָלט זי געקאָנט שפילען די זעלבע נאציאָנאלע ראָלע, ווי די רוסישע שפראך. ווײל ניט א אײגענע, נאָר אנ'אלגעמײנע, אלע גרופען באנעמענדע שפראך איז א נויטווענדיגע באדינגונג פאר דער עקזיסטענץ פון א נאציאָן.

אויך די צווײטע (איזאָלירענדע) ראָלע קאָן ערפילען יעדער שפראך. נאָר מיט אײן תנאי: זי דארף זײן פארשידען פון דער שפראך פון דער ארומיגער סביבה, אנדערש ווערט זי ווירקליך א פאקטאָר פון אסימילאציע.

דערפאר, איז ווען די אידען אין פוילען וואָלטען אנגענומען די פוילישע שפראך—וואָלט אין דעם געווען א שריט ווײטער אויפן וועג צו אסימילאציע; ווען אָבער די גאנצע אידישע נאציאָן וואָלט אנגענומען אין פאלעסטינע די פוילישע שפראך,—וואָלט די עקזיסטענץ פונ'ם אידענטום אלס א באזונדערע נאציאָן דערפון נאָר ניט געליטען אָדער געשטערט געוואָרען, און פארקערט; דאָס איבערנעמען פון דער אראבישער שפראך און פאלעסטינע וואָלט געווען אנ'אָפענע סכנה פון אסימילאציע.

די פאָרמעל: איטליכע נאציע איז א שפראך—האָט שוין לאנג אנגעוואוירען איר ווערט, ווי די פאָרמעל: איטליכע נאציע איז א מלוכה. ווי אלע סמנים פון א נאציע, איז אויך די אָדער יענע שפראך ניט קײן באדינגונג פאר דער עקזיסטענץ פון א נאציע. אין אײניגע פאלען איז זי עס יאָ, אין אנדערע—ניט. אלץ הענגט אָב פון דעם, וואָס מען פארגלײכט. ווען מ'זאָל פארגלײכען די ענגלענדער מיט די פראנצויזען, וועט די ענגלישע שפראך זײן פאר די ערשטע א נאציאָנאלער סימן; ווען מ'זאָל אָבער פארגלײכען די ענגלענדער מיט די אמעריקאנער פארלירט זי אָט די באדײטונג אירע.

אלץ איז אלזאָ, אָבהענגיג פון די באדינגונגען.

און ווען, לאמיר זאָגען, עס וואָלט זיך ארויסגעוויזען, אז אנ'אנדער שפראך, צום בײשפיל, די פוילישע, וואָלט געקאָנט בעסערער ערפילען די גלײכצײטיג פאראײניגענדע און איזאָלירענדע ראָלע און וואָלט אין רעזולטאט פון נאטירליכער עוואָלוציע געוואָרען די אומגאנגס-שפראך, וואָלט עס פרינציפעל ניט געווען קײן געגענזאץ צום אלגעמײנעם גײסט פון דער ציוניסטישער קאָנצעפציע, וואָס איז לויט אירע אויפגאבען א באפרײענדע און עפענט א ברײטען וועג פאר אומבאגרענצטע נאציאָנאלע מעגליכקײטען.

ציוניזם איז א באפרײער. ער שאפט הויפטזעכליך פארבאדינגונגען פאר דער אידישער רעפאָרמאציע.

י. שעכטמאן.

קארל מארקס און אידען.

(צו זײן יובילעאום).

ס'איז א מעות צו מײנען, אז די פאָליטישע עמאנסיפאציע פונ'ם דײטשען אידענטום איז געקומען מעכאנישע פון זיך אלײן, אומאבהענגיג פון די אָביעקטיווע אומשטענדען אין לאנד און פאָלק.

ווי אומעטום אין דער גלות-געשיכטע, אזוי אויך אין דײַטשלאנד, האט די „פארשאלטענע" אידענפראגע באקומען דעם אדער יענעם פנים אין צוזאמענהאנג מיט דער פאליטישער סיטואציע און דעם געגעבענעם מאמענט. אין די ערשטע דרײַסיג יאר פונ'ם 19-טען יארהונדערט ד. ה. ביז דער יולי-רעוואלוציע, בעת אין דײַטשלאנד האט נאך געהערשט דער שווערער דעפרעסיווער אבסאלוטיזם איז די פאליטישע, עקאנאמישע און, אלס א פועל-יוצא דערפון, אויך די סאציאלע לאגע פונ'ם דײַטשען אידענטום געווען זעהר א שווערע און ביטערע. יעדער טייל פון דײַטשלאנד האט זיך געהאט „זײַנע אידען", מיט וועמען מ'האט געטון וואס מ'האט געוואלט: אט האט מען זיי באטראכט אלס פרעמדע, אט האט מען אײַנגעפירט פאר זיי בעזונדערע לײַב-אבצאלען א. א. וו.

אדאנק דער אבגעזונדערטער סאציאל-עקאנאמיש-פאליטישער לאגע פון די דײַטשע אידען האבען די פארשידענע סאציאלע שיכטען פון דײַטשלאנד באטראכט די אידען עפיס אלס מענשען sui generis, אלס אבעזונדער מין. א גאנץ פאלק האט אין פרעמדע אויגען געהאט אנ'אויסזעהן ווי איין אײַנהייטליכע גרופע. די פארלײַכטערונגען, וואס די אידען האבען באקומען מיט דער יולי-רעוואלוציע, האבען ניט לאנג געדויערט: מיט דער צוריקגעקומענער רעאקציע איז דאס אלץ בטל געווארען. און נאר מיט דער רעוואלוציע פון 1848, בעת דאס אלטע איז לגמרי געפאלען, איז אויך געקומען די ענטגילטיגע פאליטישע עמאנסיפאציע פונ'ם דײַטשען אידענטום.

די פאליטישע עמאנסיפאציע פונ'ם דײַטשען אידענטום, ווי בכלל די עמאנסיפאציע פונ'ם מערב-אידענטום, האט אבער געטראגען אויף זיך דעם כאראקטער פון א „מתנה שתלויה בדבר". דאס איז ניט געווען קיין אויסגעקעמפטע, נאר א געשענקטע, א געגעבענע באפרײַאונג, פאר וועלכע דאס מערב-אייראפעאישע אידענטום, אין געגענזאץ צום מזרח-אייראפעאישען, האט באצאלט א אומגעהויער טײַערען פרייז: פאר אט דעם נזיד-עדשים האט זיך דאס מערב-אייראפעאישע אידענטום אבגעזאגט פון זײַן נאציאנאלען „איך" און פון זײַן פאלקס-פנים. און עס קאן טאקע זײַן, אז דווקא די ווירקליכע קנעכטשאפט פונ'ם דײַטשען אידענטום איז געווען איינע פון די אביעקטיווע סבות פון דעם אנטיסעמיטיזם בײַ די בעסטע דײַטשע דענקער פון יענער צײַט, ווי פיכטע און פייערבאך. אלס זיהן פון א נארמאל-לעבענדען פאלק האבען זיי ניט געקאנט ניט פיהלען די מאוסע עבדות פון קנעכט, וואס זײַנען גרייט צו פארקויפען זייער נאציאנאלע בכורה פאר א טאפ לינזען, און מיר זעהען טאקע, אז אט די פרײַע דענקער טרעטען ארויס שארף געגען דער אידישער עמאנסיפאציע.

א באזונדערע אויפמערקזאמקייט צווישען די אידישע געגנער ציהט צו זיך צו דער דײַטשער טעאלאג ברונא באוער, וועלכער דרוקט שארפע מאמרים געגען די אידען אונטערן נאמען: „צו דער אידענפראגע" און „די פעהיגקייט פון די היינטיגע אידען און קריסטען פרײַ צו ווערען". באטראכטענדיג די אידען אלס א רעליגיעזע גרופע האט ער דער סאציאל-פאליטישער פראגע צוגעגעבען א טעאלאגישען שטאנדפונקט און פון דעם שטאנדפונקט שטעלט ער די אידישע רעליגיע נידריגער פון דער „רעגירונגס-רעליגיע", ד. ה. פונ'ם קריסטענטום. די אידען קאנען נאר דאן פאליטיש עמאנסיפירט ווערען, ווען זיי וועלען זיך רעליגיעז עמאנסיפירען, ד. ה. ווען זיי וועלען זיך אבזאגען פון זייער רעליגיע. ביז ס'וועט ניט אבגעשאפען ווערען דער אנטאגאניזם צווישען דעם אידענטום און קריסטענטום קאנען די אידען ניט האפען אויף פאליטישע באפרײַאונג.

און אט געגען דעם דאזיגען קלעריקאל-רעליגיעזען שטאנדפונקט איז ארויסגעטראטען קארל מארקס. אין די „דײַטש-פראנצויזישע יאהרביכער", וואס ער האט רעדאקטירט, זײַנען אין יאר 1844 ערשינען א רייהע זײַנע מאמרים וועגען דער אידענפראגע. ער באקעמפט נאטירליך ברונא באוער. לויט קארל מארקס האט קיינער ניט דאס רעכט צו פאדערן פון וועמען עס איז, בתוכם אויך פון אידען, זיך אבצוזאגען פון רעליגיעזען מהות צוליב פאליטישער עמאנסיפאציע. ס'איז בכלל ווייניג, אז דער מענש, אדער די אדער יענע נאציע זאל זיך באפרײַען פון דער רעליגיע: מען דארף בכלל מיט ווארצעל אויסרײַסען די רעליגיעס, סײַ די פריווילעגירטע, סײַ די ניט-פריווילעגירטע. מ'קאן, זאגט קארל מארקס, די רעליגיע ארויסטרײַבען פונ'ם געזעלשאפטליכען געביט. נאר זי וועט דאן איבערגעהן אזוי צוזאגען אין פריוואט-אייגענטום פון די מענשען, ד. ה. פון דעם איצטיגען בורזשואזען קאלעקטיוו.

די פראגע וועגען די באציהונגען צווישען דער פאליטישער עמאנסיפאציע און דער רעליגיע ווערט אלזא די פראגע וועגען דער פאליטישער און דער אלמענשליכער, קאסמאפאליטישער עמאנסיפאציע. און דא לאזט זיך קארל מארקס אריין אין א לאנגען פלפול וועגען דעם מהות פון דער געגענווערטיגער מלוכה און געזעלשאפט בכלל. פאר אונז איז נאר וויכטיג צו אונטערשטרײַכען, אז קארל מארקס האט די פראגע וועגען אידישער עמאנסיפאציע אריבערגעטראגען פונ'ם טעאלאגישען אויפ'ן אײַנציג אמת'ען

געביט: אויפ'ן סאציאל-פאליטישען. פאר אים איז די פראגע ניט קיין רעליגיעזע, נאר א ריין וועלטליכע.

קארל מארקס אליין באטאנט, אז דער אונטערשיד צווישען זײַן קוק אויף דער אידענפראגע און באוער'ס באשטעהט אין דעם, וואס באוער האט געהאט פאר זיך נאר א מין אבסטראקציע; פאר אים, דעם טעאלאג, זײַנען די אידען ניט קיין נאטירליכע שטופע אין דער אנטוויקלונג פון דער וועלט-געשיכטע.

אדרבא: לויט אים קומט אויס, אז די אידען עקזיסטירען געגען דעם היסטארישען ווילען. „באוער,—זאגט מארקס,—האט פאר זיך געזעהען נאר א שבת-אידען. און מיר ווילען זיך באשעפטיגען מיט דעם רעאלען, וועלטליכען, טאג-טעגליכען אידען".

די עקזיסטענץ פונ'ם אידישען פאלק איז, לויט קארל מארקס, ניט קיין צופעליגע, אויך ניט קיין קאפריזנער צו-להכעיס פון א פארביטערטען עקשן: ס'איז א גאנץ נאטירליכע, היסטאריש-נויטווענדיגע ערשײַנונג, וועלכע איז קלאר פאר יעדען רעאלען דענקער און פראקטישען בעאבאכטער.

ווי אזוי האט אבער ער, קארל מארקס, דער פראקטישער, רעאלער דענקער, פארשטאנען דעם רעאלען „טאג-טעגליכען אידען"? וואס איז אזוינס, לויט קארל מארקס, דער רעאלער איד אין דער היינטיגער געזעלשאפט?

אויף דעם גיט מארקס אין דער צווייטער העלפט פון זײַן ארטיקעל א „ריינע" תשובה.

ארויסגעהענדיג פון דעם הויפט-שטאנדפונקט, אז דער איצטיגער „טאג-טעגליכער" איד איז דאס כשר'ע קינד פון דער בורזשואזער געזעלשאפט, געפינט קארל מארקס, אז: „דער וועלטליכער תוך פונ'ם אידען איז דער אייגענניץ, דער וועלטליכער קולט פונ'ם אידען איז הענדלערײַ, דער וועלטליכער גאט פונ'ם אידען איז דאס געלט. געלט—דאס איז דער איין און איינציגער גאט פונ'ם אידען, און ער האט ניט קיין אנדער גאט. דער אמת'ער, וויכטיגער אידישער גאט—דאס איז דער וועקסעל. דעם מהות פונ'ם טאג-טעגליכען אידען געפינען מיר ניט נאר אין דער איצטיגער בורזשואזער געזעלשאפט, נאר שוין אין דעם חומש, אין תלמוד".

אין פון די הויפט-הנחות מאכט קארל מארקס אויך זײַנע פראקטישע פועל-יוצא'ס: דער אידישער „יעזואיטיזם" האט דורכגעדרונגען דאס קריסטענטום. דער פראקטישער גייסט פונ'ם אידענטום איז אויך געווארען דער פראקטישער גייסט פונ'ם קריסטענטום, „די אידען האבען זיך עמאנסיפירט אויף אזויפיל, אויף וויפיל די קריסטליכע וועלט איז געווארען אידיש"—זאגט קארל מארקס. דער אידישער גאט האט זיך ארויסגעלאזט אויף. דער ערד און האט אלץ באקעמפט. דאס קריסטענטום איז ארויס פון אידענטום און איז צוריק צו אים געקומען. — דאס קריסטענטום—דאס איז די איצטיגע געזעלשאפט. און דערפאר קאן נאר דאן זײַן א רעדע וועגען דער עמאנסיפאציע פון דער היינטיגער געזעלשאפט, ווען זי וועט זיך עמאנסיפירען פון דעם אייגענניץ און געלט, ד. ה. פונ'ם פראקטישען, רעאלען אידענטום.

„די אידישע עמאנסיפאציע הייסט אלזא ניט אנדערש ווי די עמאנסיפאציע פון דער מענשהייט פונ'ם אידענטום און וויבאלד עס וועט געלינגען דער געזעלשאפט זיך באפרײַען פונ'ם אידענטום אין זײַן מהות, וועט שוין אויך אונמעגליך ווערען דער איד, ווײַל ס'וועט דאן אויך בטל ווערען דער אידישער אביעקט. די אידישע געזעלשאפטליכע עמאנסיפאציע — דאס הייסט ניט אנדערש ווי די עמאנסיפאציע פון דער געזעלשאפט פונ'ם אידענטום".

* * *

אט אזוי איז בײַ קארל מארקס באטראכט און געלעזט געווארען די אידענפראגע; אנגעהויבען מיט א „מי שברך" און—געענדיגט מיט א „אל מלא רחמים". אין זײַן מלחמה געגען „אבסטראקטע אידען" איז ער געקומען ניט צו דער פארטיידיגונג פונ'ם רעאלען, טאג-טעגליכען אידען, נאר צו שענדען און ערנידערען דאס אידענטום אלס אזעלכעס: דער מקור הטומאה, ווײַזט זיך נאר ארויס, ליגט אין מהות פונ'ם אידען, אינ'ם אידישען גײַסט, אין דער אידישער רעליגיע, אין דעם אידישען „געלט-גאט"! ער, דער שאפער פון דער קלאסען-טעאריע, האט אין די אידען ניט געזעהען קיין פאלק מיט פארשידענער קלאסען-דיפערענצירונג. ער האט געהאט פאר זיך א מאדנע ערשײַנונג, עפיס א מין יוצא-דופן-פאלק, וואס איז באשטאנען בלויז פון געלטמענשען, לויטער בורזשויעס! ער, דער נביא פון דער נײַער מאטעריאליסטישער מאראל, דער ווײַטזיכטיגער פאר אלע פעלקער, האט ניט געקאנט זעהען ווײַטער פון זײַן נאז בעת ער האט באריהרט די אידענפראגע: ער האט ניט געזעהען, אז בעת די פרייסישע און צפון-מערב'דיגע דײַטשע אידען זײַנען באמת געווען אין א גיטער מאטעריעלער לאגע, איז דער רוב בנין און רוב מנין פונ'ם מזרח-און דרום-דײַטשען אידענטום געווען אין א שרעקליכען עקאנאמישען מצב; אז אויך ניט בעסער איז געווען די לאגע פון די אידען אינ'ם רוב מיטעל-דײַטשלאנד. איך רעד שוין ניט פונ'ם רוסלענדישען, פוילישען און גאליצישען אידענטום, וועלכע האבען זיך דאמאלס געפונען אין א קאטאסטראפאלען עקאנאמישען צושטאנד.

ער האט ניט באמערקט, אז די אידען, וועלכע האבען ניט געהאט דאס רעכט און מעגליכקייט אריינלעגען זייער קאפיטאל אין דער לאנדווירטשאפט—האבען געמוזט עס אריינלעגען אין מסחר.—און בעת די גאנצע וועלט איז געווען פארפעסטעט פונ'ם לאזונג: „באריייכערט אייך!“, האט נאר א קליינער טייל פונ'ם אידענטום באקומען די מעגליכקייט נאכטאנצען דעם אלוועלטליכען שדים־טאנץ.

און דאס איז לחלוטין ניט קיין צופעליגע ערשיינונג. ער, קארל מארקס, דער קאסמאפאליט, האט געהאט פאר זיך נאר דעם אבסטראקטען באגריף פון אנ'„אלמענש“. און בעת ער האט גענומען באטראכטען דעם רעאלען, טאג־טעגליכען, פראקטישען אידען, האט ער געמוזט בלייבען טריי זיין אייגענעם נאטירליכען טעות: זיין אבגאט. דער רעאלער איד האט געמוזט ביי אים ווערען א קלאסען־באגריף, און א גאנצע רעאלע טאג־טעגליכע נאציע מיט אלע אירע גייסטיגע אוצרות, מיט אלע מעלות און חסרונ'ות, האט געמוזט פארוואנדעלט ווערען אין איין קלאס, און דערצו נאך אין דעם געהאסטען קלאס.

קארל מארקס ארטיקל וועגען דער אידען־פראגע קאן בלי שום ספק פארנעמען א חשוב'ען ארט צווישען פארשידענע אנטיסעמיטישע פאסקווילען.

צי איז אבער קארל מארקס געוועזן א אנטיסעמיט?

די פראגע שיינט אונז צו זיין לעבערליך; אויף צוויפיל נאריש, לעבערליך און קאמיש זיינען די איבערמענשליכע באמיהונגען און כל'ערליי קונצען מצד זיינע חסידים, דערבאויס צו מטהר זיין דעם שרץ בק"ן טעמים. האט מען דאך געפונען, למשל, דעם אלטען באקאנטען קנייטש פון „קרי וכתיב“: שטעהען מאקי בפירוש, שווארץ אויף ווייס, „איד“, „אידענטום“, „אידישע רעליגיע“, „אידישער גאט“,—אבער לייענען מוז מען: קלאס, בורזשואזיע א. א. וו. א. א. וו.

די חסידים האבען ניט געפיהלט און ניט פארשטאנען, ווי טיף זיי באליידיגען זייער רבין: ער, דער גרויסער דיאלעקטיקער, פאר וועמען יעדער ווארט פון זיין טערמינאלאגיע האט געהאט אזא באדייטונג, איז פלוצים געשטראפט געווארען מיט א פארבלענדעניש, און ווען?—דוקא בעת ער האט גערעדט פון די אידען! דוקא ביי דער פראגע וועגען אידען־עמאנציפאציע איז געקומען דער שר השכחה און האט א פיק געטון אין מח—און אלץ איז איבערגעדרייט געווארען: וואו קלאס, וואס קלאס, ווער קלאס? „אידען“!—און דאס רעטעניש איז פארענטפערט.

קארל מארקס איז ניט נאר איינער פון דער שורה גרויסע מענשען, וועלכע מיר האבען געגעבען דער ציוויליזירטער וועלט. זיין נאמען וועט מען אומזיסט זוכען צווישען די „גרייסע משומדים“, וועלכע באצירען דעם וועלט־פאנטעאן און וועמענס לעבען איז פול מיט ספעציפישע ליידען און פיין, וואס מיר וואלטען אנגערופען „חבלי השמד“. ער איז גיכער איינער פון די פילע, וואס זיינען אינגאנצען אוועק, און פון די ווייניגע—וואס זיינען אוועק פארעטעריש. דאס האט אויך געפיהלט דער געוועזענער אנהענגער זיינער, דער פראפעסאר ס. בולגאקאוו, בעת ער האט געשריבען:

„דער זוהן האט אויפגעהויבען די האנט אויף זיין אייגענער מוטער, האט זיך גלייכגילטיג אבגעקערעוועט פון אירע דורות־לאנגע יסורים, האט גייסטיג פארלייקענט זיין אייגען פאלק“.1)

ש. האמעלסקי.

פון דער פינסטערער פארגאנגענהייט.

אין מיינע הענט געפינט זיך א טייל פון די מאטעריאלען, וועלכע איך האב באקומען אין דער אויסערארדענטליכער אויספארשונגס־קאמיסיע (מוראוויאוו'ס); די דאקומענטען כאראקטעריזירען די פאליטיק פון דער צארישער רעגירונג בנוגע צו אידען, באזונדערס, אינ'ם בארימטען ביילים־פראצעס.

די סיסטעמאטישע באגנעדיגונג פון פאגראמשטשיקעס, די בלוט־בלבולים, דאס באשולדיגען אידען אין שפיאנאזש, די אדמיניסטראטיווע פארשיקונגען... אויך בלעטער פונ'ם נאהענטען עבר, פול מיט ביטערקייט, אומפארגעסליכע באליידיגונגען, דאס טרעטען מיט די פיס די מענשען־ווירדע, פינסטערער שנאה און בייזוויליגקייט.

דורכקוקענדיג אט די „אלטע“ דאקומענטען, וואס זיינען פארגעסען געווארען אין די נישט־פרעהליכע טעג פון דער געגענווארט, וווּנדערט זיך מיט וואס פאר א לייכטקייט עס זיינען כלומרשט אויסגעמעקט געווארען פונ'ם פאלקס־זכרון די זכרונות וועגען די שרעקליכע יארען פון רעכטלאזיגקייט און אונטערדריקונג.

אפשר אצינד, ווען די צושלאגענע רעוואלוציע גוססט און די רעסטאוראציע איז שוין ניט קיין „טרוים פון חסר־דעה'ניקעס“, נאר א רעאלע ווירקליכקייט, בשעת דער מידער בעל־בית איז גרייט

---

1) ס. בולגאקאוו: „קארל מארקס אלס רעליגיעזער טיפ

צו באהאלטען זיך פון די שטורעמען פון דער רעוואלוציע אין א וואסער־ניט־איז פארבארגענעם לאך אבי אברוהען און בארוהיגען זיך—אפשר איצט שארט נישט צו דערמאנען זיך אן דעם עבר, אויפלעבען אין זכרון די געשעהענישען פון דער גאר נישט לאנגער פארגאנגענהייט.

די ארבעט פון דער אויסערארדענטליכער אויספארשונגס־קאמיסיע, וואס איז געגרינדעט דורך דער רוסלענדישער צייטווייליגער רעגירונג, כדי אויסצופארשען די מעשים פון די אגענטען פון דער צארישער רעגירונג איז איבערגעריסען געווארען דורך דער באלשעוויסטישער איבערקערעניש.

הגם עס זיינען אנגענומען געווארען אלע מיטלען, כדי צו ערהאלטען די זעהר ווערטפולע רעזולטאטען פון דער אויספארשונגס־ארבייט, ווער ווייס, וואס איז פון איהר פארבליבען ביז היינט. די ארבעט איז ניט פארענדיגט, אסך פראגען זיינען ניט אויסגעפארשט, עס זיינען ניט אנטדעקט ענדגילטיג נאך אסך פינסטערע מעשים. אבער זיינען ניט פארענדיגט די אויספארשונגען וועגען דער אידישער פראגע.

אסך איז אבער דאך באקאנט געווארען. ניט האבענדיג די מעגליכקייט צו געבען אצינד א גאנץ בילד פונ'ם עבר, וועל איך זיך אבשטעלען נאר אויף איינציגע עפיזאדען.

ביילים פראצעס.

וועגען דעם מקור און אנהויב פונ'ם בארימטען פראצעס איז פאראן זעהר ווייניג מאטעריאלען, חוץ די אויספארשונגס־קאמיסיע איז געווען פארנומען אויסשליסליך מיט דער אויספארשונג פון די מעשים פון די העכערע רעגירונגס־אגענטען. ביילים פראצעס איז דערצו אנטשטאנען אין קיעוו, דארט האט ער באקומען א געוויסע ריכטונג. די ראלע פון פעטערבורג האט זיך אנגעהויבען אסך שפעטער, ווען ביילים איז שוין איבערגעגעבען געווארען צום געריכט און בעת דעם געריכט גופא. ווער איז געווען דער איניציאטאר פון דעם בלבול, ווי אזוי איז מען געקומען צו דער אידעע אינסצענירען א ריטועלען מארד—איז אומקלאר. ס'זיינען נישטא קיין באווייזען דערויף, אז פעטערבורג איז געווען דער מתחיל פון דער מעשה.

ביעלעצקי, וועלכער איז דאמאלס געווען דירעקטאר פון פאליצי־דעפארטאמענט, האט ערקלערט אזוי (איך ציטיר לויט דער סטענאגראם פון דער אויספארשונג): וועמען און אין וואסער א מאמענט איז אריין דער געדאנק, אז דער מארד איז א ריטועלער?

דער קיעווער געדאנק איז געבראכט געווארען פון אויסען; אים האט פראפאגאנדירט די ארטיגע (קיעווער) ארגאניזאציע פון סאיוז רוסקאווא נאראדא מיט גאלובעווען בראש. גאלובעוו איז געווען נאהענט צו זאמיסלאווסקין, און אזוי ווי זאמיסלאווסקי איז געווען א חשוב'ער אריינגעהער אין יוסטיץ־מיניסטעריום, אדאנק זיינע פארבינדונגען מיט שטשעגלאוויטאוו'ן, האט די גאנצע פראקוראטור ניט בלויז גערעכענט זיך דערמיט, נאר זיך געסטארעט צו געהען אין וועג פון זייערע אנווייזונגען. מיט גאלוביעוו'ן האט זיך געמוזט רעכענען די גאנצע קיעווער אדמיניסטראציע, דער גובערנאטאר און אפילו גענעראל־גובערנאטאר.

בנוגע דער פראגע צי איז ניט געווען דאס מיניסטעריום פון אינערן דער איניציאטאר פון דעם פראצעס, איבערהויפט מאקלאקאוו, האט ביעלעצקי אבגעלייקענט די איניציאטיוו פון אינערן־מיניסטעריום און ערקלערט: „מאקלאקאוו איז געווען לחלוט'ן דערפאר, אז מ'זאל ביילים איבערגעבען צום געריכט. ער האט ניט געוואלט אויסנוצען דעם פראצעס, כדי ארויסרופען פאגראמען, אבער, ווי עס ווייזט אויס, האט ער געהאט בדעה אויסנוצען דעם פראצעס, כדי צו דערווייזען די אונמעגליכקייט דורכצופירען רעפארמען אין דער אידישער פראגע. צוליב דעם און דעמזעלבען קוק פון מאקלאקאוו'ן און טשעגלאוויטאוו'ן אויפ'ן ביילים פראצעס און זיין ווייטערע פירונג איז די זאך געגאנגען גיך פארווערטס.

די גאנצע צייט פונ'ם פראצעס האט דאס צוזאמענארבייטען פון ביידע מיניסטעריומס ניט אויפגעהערט. עס איז שוין באוואוסט, ווי פארזיכטיג עס זיינען צוגעגרייט געווארען די רשימות פון די געשווארענע ריכטער פאר ביילים פראצעס. ווען די צוזאמענשטעלונג פון דער סעסיע איז שוין באשטימט געווארען, האט מען, לויט ביעלעצקי'ס א שיפרירטע טעלעגראם, די געשווארענע־ריכטער, וואס זיינען אריינגעטראגען געווארען אין די רשימות, אנגעהויבען „פארזיכטיג צו נאכשפירען“. דאס איז געטון געווארען לויט'ן פארשלאג פון טשאפלינסקי'ן, וועלכער האט זייענדיג אין פעטערבורג מיטגעטיילט, אז די איד' האבען בדעה אונטערצוקויפען די געשווארענע ריכטער. אזוי ווי אין קיעוו זיינען נישט געווען אין א גענוגענדער צאל ערפארענע פילערס (סיכטשיקעס) האט מען קאמאנדירט פון בערדיטשעוו, זשיטאמיר און פאלטאווע 23 פילערס, וועמען מען האט איבערגעגעבען די פליכטען פון „פארזיכטיגען נאכשפירען“. די נאכשפירונגען הא־

בען אָבער טשאַפּלינסקי'ס חשד ניט באַשטעטיגט. קיין איינער פון די פּילערס האָט ניט מיטגעטיילט אַזוינס, וואָס זאָל געבען האָטש אַ רמז אויף אַ פּרוּב צו אונטערקויפען די געשוואוירענע ריכטער. אינ'ם טאָג ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען דער פּראָצעס איז די אויסערליכע נאָכשפּירונג אָבגעשאַפען געוואָרען. אָבער אויפ'ן אָרט פון „אויסערליכער" איז איינגעפירט געוואָרען אַ „אינערליכע". צוויי זשאַנדאַרמען זיינען געזעצען איבערגעטוהן אין דער פאָרם פון קוריערען און געווען אין דעם באַראַטונגס-צימער פון די ריכטער ממש די גאַנצע צייט פון פּראָצעס. זיי האָבען נאָכגעשפּירט די שטימונגען פון די געשוואוירענע ריכטער און איבערגעגעבען די איינדריקען דער אַדמיניסטראַציע. וועגען אָט דעם אונערהערטען עובר זיין אויפ'ן געזעץ, דעם איינציגסטען אין זיין דרייסטקייט אין דער געשיכטע פון רוסישען געריכט, האָט געוואוסט דער פּראָקוראָר, פאָרזיצער פון דעם געריכט און דער יוסטיץ-מיניסטער, דער גענעראַל-פּראָקוראָר.

כדי איבערוואַכען און קאָנטראָלירען דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון פּראָצעס האָט דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט קאָמאַנדירט דעם באַאַמטען פאַר באַזונדערע ענינים דיאַטשענקאָ, וועלכער איז געווען פאַרפּליכטעט טעגליך צו טעלעגראַפירען ביעלעצקי'ן וועגען דעם גאַנג פון פּראָצעס. פון צייט צו צייט האָט ער געשיקט גרעסערע באַריכטען. אַנ'אַנדער אַגענט פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט לוביטאָוו איז געווען אויפ'ן פּראָצעס אַלס קאָרעספּאָנדענט פון „וועסטניק פּאָליציי". אָט די טעלעגראַמען און קאָרעספּאָנדענציעס רעדען פאַר זיך אַליין, פון זיי ווערט קלאָר אַרויסגעוויזען די אינטימע נאָהענטקייט פון אינערן-מיניסטעריום מיט'ן יוסטיץ-מיניסטעריום.

אָט זיינען אויסצוגען פון די דאָזיגע „באַריכטען".

דיאַטשענקאָ'ס טעלעגראַם פון 28 סעפּטעמבער: „טשאַפּלינסקי איז ניט צופרידען מיט'ן פאָרזיצער, וועלכער באַגרענעצט די פרייהייט פון דער באַשולדיגונג". 30 סעפּטעמבער: „דער פּשוטער המון איז צום פּראָצעס גלייכגילטיג און באַשולדיגט די אַדמיניסטראַציע און ריכטער, אַז זיי זיינען אינטערגעקויפט". 2 אָקטאָבער: „כ'האָב געבעטען שרעדעל'ן פאַרשטאַרקען די שמירה מיט צוויי זשאַנדאַרמען, ווייל לויט קלאַנגען ווילען די אידען איבעררייסען דעם פּראָצעס, אַרויסרופענדיג אַנ'ערקראַנקונג פון די געשוואוירענע ריכטער דורך דער שפּייז. צווישען פאָרזיצער און פּראָקוראָר זיינען אויפגעריכטעט געוואָרען פריינדליכע באַציהונגען".

ווי ווייט עס זיינען געגאַנגען אָט די „פריינדליכע באַציהונגען" קאָן מען אַרויסזעהען דערפון, וואָס שפּעטער מיט עטליכע טעג שרייבט דיאַטשענקאָ אין אַ בריף, אַז דער פאָרזיצער און פּראָקוראָר באַראַטען זיך מיט אים אָפט, בעטען אינסטרוקציעס, וואָס שטעלט אים אין אַ שווערער לאַגע, ווייל ער אַליין האָט ניט קיין פּינקטליכע אָנווייזונגען פון דעפּאַרטאַמענט.

טעלעגראַם פון 4 אָקטאָבער: „... דאָס פּובּליקום גלויבט ניט די עדות פון דער באַשולדיגונג, וואָס זיינען דאָס רוב פון נאָרקי'ס טיפּען"...

דיאַטשענקאָ האָט די גאַנצע צייט פון פּראָצעס באַדאַרפט שיצען די אינטערעסען פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, ווייל אַסך עדות אויפ'ן פּראָצעס (קאַראַיעוו, מאַכאַלין, קראַסאָווסקי, פּאָלישטשוק, איוואַנאָוו א. אסך א.ג.) האָבען טיילווייז געדינט אין דער אָפענער און געהיימער פּאָליציי, טיילווייז פאַרנומען אַזעלכע שטעלעס אין עבר. אַנדערע עדות, ווי וויעראַ טשעבעריאַק, באָריס רודזינסקי, סינגאַעווסקי, זיינען געווען נאָהענט צו דער פּאָליציי. יעדע מינוט האָט מען געדאַרפט מורא האָבען פאַר אומערוואַרטעטע אַנטדעקונגען, ניט קיין באַטראַכטע ערקלערונגען. די זאַך איז נאָך געווען קאָמפּליצירטער דערמיט, וואָס ניט שטענדיג זיינען געווען גלייך די אינטערעסען פון דער אָרטיגער פּאָליציי, זשאַנדאַרמעריע, אָחראַנקע, און דער פּראָקוראָר, ציווילער אַנקלאָגער (וועגען די אינטערעסען פון געריכט און גערעכטען משפט איז ניטאָ וואָס צו רעדען, ווייל דער פאָרזיצער פון געריכט איז געווען אַ טרייער דינער פון אָט די איצטיגע בעלי-בתים און זיך צוגעהערט צו זייער מיינונג).

(המשך—קומט.)

ר. אַלין.

* * *

ציוניסטיש'ע ראַטמענער פון די קהלות!

די צייטווייליגע נאַציאָנאַלע פאַ-זאַמלונג וועט זיין אַ פאַרשטעהערשאַפט פון די דעמאָקראַטישע קהלות.

זייט גרייט צו די וואַהלען.

ערקלערט די אומפאַרטייאישע ראַטמענער דעם יסוד פון אונזער פּראָגראַם.

נאַטיצען און אָבקלאַנגען.

„זשאַרגאַניזאַציע מיט גוואַלט".

אַזוי הייסט דער אַרטיקעל פון ה' י. גאַלאַנט, וועלכער איז אָבגעדרוקט אין „נאָוואַ ראַדאַ". כ'איז, נאַטירליך, אַ פראַגע, צי דער אָרגאַן פון דעם ה' ניקאָווסקי איז אַ פּאַסיגע אָרט פאַר אַזעלכע אַנקלאַגען און צי די אויבדריקס-פאָרם „זשאַרגאָניזאַציע" איז בכלל טאַקטפול בנוגע צו דער פאָלקס-שפּראַך, אָבער די געדאַנקען פון ה' גאַלאַנט און די פאַקטען, וועלכע ער ברענגט, פאַרדינען דערמאַנט און איבערגעחזרט צו ווערען. און סוף כל סוף איז דאָך דאָס דער זעלבער וועג, אין וועלכען עס זיינען געגאַנגען אונזערע סאָציאַליסטען, זוכענדיג תמיד שטיצע און הילף ביי די אוקראַינער.

„זוי הידוש'דיג עס זאָל ניט זיין — שרייבט ה' גאַלאַנט, — אָבער די זשאַרגאָניזאַציע פון אונזער אידישער מיטעל-שול האָט זיך אָנגעהויבען פריהער איידער די אוקראַינאַזאַציע פון די אַלגעמיינע שולען. אין דער צייט ווען אונזער מיניסטעריום פאַר פאָלקס-בילדונג, איינפירענדיג די אוקראַינישע שול, האָט געפונען פאַר נויטיג צו ערקלערען, אַז דאָס לערנען אויף דער אוקראַינישער שפּראַך איז ניט אָבליגאַטאָריש, ווערט אין דער אידישער מיטעל-שול אָנגעווענדעט אַ צוואַנגס-סיסטעם: די גרינדער און דירעקטאָרען פון די שולען ווערט קאַטעגאָריש געשטעלט די פאָדערונג, אַז אַלע למודים זאָלען געלערנט ווערען נאָר אויף אידיש. און די פאָדערונג ווערט געשטעלט ניט פון מיניסטעריום פאַר פאָלקס-בילדונג, נאָר פון מיניסטעריום פאַר אידישע ענינים און פון די אידישע באַאַמטע, וואָס דינען אין מיניסטעריום פאַר פאָלקס-בילדונג. דער דירעקטאָר פון נעזשינער גימנאַזיע קראָל האָט זיך משתדל געווען, אַז מ'זאָל געבען זיין גימנאַזיע אַלע רעכט, נאָר דער טשינאָווניק — אַ איד — האָט אים קאַטעגאָריש ערקלערט, אַז ביז די העברעאישע שפּראַך, וואָס איז דאָרט איינגעפירט, וועט ניט פאַרביטען ווערען אויף אידיש, וועט זיין גימנאַזיע קיין רעכט ניט באַקומען. אַזאַ מין פאָדערונג אין אַ אַנטשיידענער פאָרם איז אויך געשטעלט געוואָרען דעם אינהאַבער פון קאָמערצשול אויף פּאָדאָל פעלדמאַן, ווייטער, מ'האָט געדראָהט, אַז אויב ער וועט ניט ערפילען די פאָדערונג וועט מען ביי אים צונעמען די רעכט, וואָס זיין שול האָט שוין און אָט דער פאַקט איז ניט קיין איינציגער".

די פאַקטען, וואָס ה' גאַלאַנט ברענגט וואָלטען מיר געקענט לייכט בפּלין, אָבער אינזער פּאַטענטירטע פריי-הייטס-קעמפער און באַגליקער יוערען דאָך סיי ווי ניט רויט פון בושה, ווען מען פרעגט ביי זיי: איז דאָס קולטור-אַרבייט? זיינען אָט דאָס דעמאָקראַטישע מעטאָדען? און מיט רעכט פרעגט ה' גאַלאַנט ווייטער:

„אַזעלכע פאָדערונגען, וואָס זיינען זיך ניט סומך אויפ'ן געזעץ, קאָנען ניט באַרעכטיגט ווערען דורך וועלכע-עס-איז פּרינציפּיעלע אָדער פּאַרטייאישע טעמים. זיינען דאָך ניט שולדיג די גרינדער און דירעקטאָרען פון די אידישע גימנאַזיעס, וואָס דער גורל פון דער אידישער פאָלקסבילדונג איז אַריינגעפאַלען אין די הענט צו פאַרביסענע אידישיסטען, די אידישע גרינדונג-פאַרזאַמלונג איז דאָך נאָך ניט צונויפגערופען. דער רצון פון'ם אוקראַינישען אידענטום איז נאָך ניט אַרויסגעוויזט געוואָרען. מיר ווייסען נאָך גאָר ניט די סימפּאַטיעס אָדער אַנטיפּאַטיעס פון'ם אידישען פאָלק צו דער אָדער יענער שפּראַך. צו וואָס-זשע זאָל מען פאַראויס באַשטימען, צו וואָס זאָל מען ווידער באַנוצען די מיטלען פון דער פאַררעוואָלוציאָנערער ביוראָקראַטיע?

אונזערע סאָציאַליסטען וועלען פאַר אַזאַ אַפּיקורסות מכח שטעמפּלען דעם ה' גאַלאַנט פאַר אַ רעאַקציאָנער און וועלען זיך באַרוהיגען און דער פּראָטעסט וועט בלייבען אַ שטים אין דער מדבר.

ב.

אידיליע און ווירקליכקייט.

די „פאָלקסצייטונג" טרויערט. פון איהרע עמודים פליסט כסדר אַ שטילער אומעט. וועלכער נעמט אָן אָפט פאָרמען פון עלענדע דעקלאַמאַציעס, וואָס נגב'ענען זיך אַריין אפילו אין אַזאַ באַשיידענע רובּריק, ווי באַריכטען וועגען די זיצונגען פון נאַציאָנאַל-ראַט. אַנדערע צייטען, אַנדערע מענטשען, אַנ'אַנדער האַלטונג פון פּובּליקום — קלאָגט זיך דער פאַרטייאישער קאָרעספּאָנדענט.

וואָס-זשע איז פאָרגעקומען? אדרבה, לייענט און ווערט אויך דורכגעדרונגען פון'ם אומעט:

„אַ פויל געפּאַקטער זאַל. נייע פּנים'ער סיי צווישען די מיטגלידער, סיי צווישען עולם.

דער עולם פיהלט זיך היימיש. שטופּט זיך אין די רייהען פון די מיטגלידער, גיט אָפט עצות דעם פאָרזיצער, און ווי דער פאָרזיצענדער בעט ניט מ'זאָל אַראָבגעהן אין די אונטערשטע רייהען, ריהרט זיך קיינער פון אָרט ניט; דער פאָרזיצער זיפצט, וואָס ער האָט ניט קיין פּאָליציי צו הילף...

דער עולם ווייסט, וואָס ער שטופּט זיך, ס'איז ניט דער אַמאָליגער נאַציאָנאַל-ראַט, וואו ס'האָט שטיל כמעט איינשטימיג אַלין אָנגענומען. לאַנגווייליג געווען. איצט זיינען רעכטע פאַראַן, אמת רעכטע, און דאָ וועלען מאַרקאָוו'ס סקאַנדאַלען זיין. ווי אין גוטע יאָרען פון 3-טער נאָסודאַרסטווענע דומע."

ס'איז גאנץ באגרייפליך דער וועהטאג פונ'ם עלענדישען בונדיסט. פריהער איז באמת געווען גאר אנדערש. די זיצונגען פלעגען פארקומען אין א קליין צימערל, שטיל, פארבארגען, אהן עדות. ביים טיש איז געזעסען אנ'איינענע קאמפאניע און אלץ—לויטער סאציאליסטישע לארדען מיט גרויסע פארדינסטען. געווען לאנגווייליג, אבער ווירדיג. אלץ האט מען אנגענומען איינשטימיג. חבר מאקס האט זיך איבערגעווארפען מיט א פאר ווערטער מיט חבר משה— אין גענוג. שטיל געווען, ווי אין גאטעדא־סטוועני־סאוועט. איז פארגעקומען א רעוואליוציע. האט זיך אין נאציאנאל־ראט אריינגעריסען דער המון. עפעס עלטערע אידען, מיט בערד און אפילו פאות (א שרעק!) און גלאט פרעמדע מענטשען. עס קומט א גרויסער עולם צוהערען די וויכוחים, וועלכע זיינען לייענשאפטליך. מען האט עפעס פרעטענזיעס, מען רעדט וועגען אידען ניט־סאציאליסטען, מען באשולדיגט א חורבן, א טרויער. דער המון האט זיך אריינגעריסען...

יא, א וועהטאג אין הארצען. ווער וועט עס דען ניט מיטפילען אונזערע סאציאליסטישע לארדען?

מ. ג.

סאבאטאזש און קוויעטיזם.

אין א קאמף מיט א שטארקען שונא ווערען ענגער געשלאסען די רייהען און עס ווערט פארשווינדען די חלוקי־דעות...

מיר האבען פאר אויגען א לעבעדיגען באווייז: די רירענדע איינינקייט פונ'ם אנטי־ציוניסטישען בלאק — פון „בונד", „פאראייניגטע", פאלקס־פארטיי און „פועלי־ציון" — אין דער פארביטערטער מלחמה מיט דער ציוניסטישער פאלקס־באוועגונג. דוכט זיך, וואס האבען צו טון די נביאים פון דער „פראלעטארישער" אסימילאציע — די „בונדיסטען" — מיט דער „פארטיי" פון פאליטישע שפעקולאנטען, מיט די, וועלכע רעדען פון פרעמדע שדוכים און טראכטען מכח דער אייגענער תחנה, — מיט דער „פאלקס־פארטיי"? וואס פאר א שייכות האט דער „פראלעטארישער ציוניזם" פון „פועלי־ציון" צו דער פאליטישער ספעקולאציע פון די „פאראייניגטע", וועלכע „פאראייניגען" אין זייער פארטייאישען קראם אלערליי מיני סחורות: און דעם סאציאליזם, און דעם נאציאנאליזם, און די אויטאנאמיע, און די טעריטאריע, — פונקט ווי די דייטשע אוניווערסאל־געשעפטען?.. און דאך האט זיך געשאפען דער אונגאטירליכער, משונה'דיגער „איינהייטליכער פראנט", און געשאפען האט איהם די שטארקייט פון דער ציוניסטישער באוועגונג.

א מאל אבער טרעפט זיך אבער, אז ס'רייסט זיך ארויס דער אמת'ער קול פונ'ם פארטייאישען געוויסען, אז מ'ווארפט פון זיך אראפ די קייטען פונ'ם אינגאטירליכען „בונד". דעמאלט ווערט מען אפענהערצליך און אונגעדליך אויפריכטיג.

דעמאלט שווימט אויף דער אמת.

שוין עטליכע וואכען, ווי דער גאנצער אנטי־ציוניסטישער בלאק האט אנגענומען די טאקטיק פון קוויעטיזם (ניט־טעטיגקייט). און אין דער דאזיגער טאקטיק שטעהען די „פאראייניגטע", פאר וועלכע די אויטאנאמיע איז אזוי טייער, אז זיי האבען באשלאסען אויף איהר טויטען גוף צו באווייזען, אז אחן זיי מוז זי באגראבען ווערען און מען סאבאטירט די ארבייט פונ'ם נאציאנאל־ראט.

לעגען די ציוניסטען פאר, אז בראש פון דער אויטאנאמיע זאל שטעהען אן־אונאפהענגיגער פונ'ם מיניסטארען־קאבינעט סטאטס־סעקרעטאר, — פאדערט דער בלאק אז עס זאל פארבלייבען דער אידישער מיניסטער. געהען די ציוניסטען אויף א פשרה און זיינען מסכים אויף א פארוואלטער פונ'ם מיניסטעריום, זיינען זיי ווידער קעגען דעם. האט זיך זיי געדוכט, אז די ציוניסטען טרעטען אפ פון דער פאדערונג, אז דער מיניסטער זאל זיין א געקליבענער, — זיינען זיי פאר קלייבען דעם מיניסטער. ערקלערען די ציוניסטען, אז זיי האבען אנדערש גאר ניט געמיינט, — זיינען זיי שוין קעגען קלייבען א מיניסטער. מ'וואקעלט זיך א הין און אהער; מ'האלט זיך ביים פרינציפ: „פונקט קאפויער דערפון, וואס לעגען פאר די ציוניסטען".

וואס איז דאס? ווי רופען זיך אזעלכע מעשים?

ס'איז פארגעקומען אמאל א סכסוך צווישען דעם „בונד" און די „פאראייניגטע" האט ה' ראפעס מיט התפעלות ארויסגעזאגט דעם סוד.

— „די פאראייניגטע שטרעבען און זייער טאקטיק צו קוויעטיזם (אינטעטיגקייט)"...

און ס'איז געווען אנ'אנדער מאמענט. דער סכסוך איז איינגעבראכען צווישען די „פאראייניגטע" און דער „פאלקס־פארטיי". האט די „פאלקס־פארטיי" דורך ה'לאצקי ארויסגעזאגט דעם צווייטען סוד.

— די טאקטיק און אלע אייערע מעשים — האבען איין איינציגען צוועק — דעם סאבאטאזש...

— יא, מיר זיינען זיך מודה, — האט איהם געענטפערט הער לורנין, — מיר פירען סאבאטאזש, וואריום מיר האלטען פאר נוצליך סאבאטירען די „רעאקציע"...

אזוי ווערען ארויסגעטראגען די סודות פון שטוב, אזוי שווימט אויף דער אמת.

דער קירצער זין פון דעם קאמף, וועלכער קומט איצטער פאר אין נאציאנאל־ראט, איז:

דער לינקער פליגעל וויל, אז צוזאמען מיט זיין מאכט זאל באגראבען ווערען די גאנצע אויטאנאמיע.

ב. ה.

דער קריזיס פון דער אידישער אויטאנאמיע.

די לאגע.

דער מיניסטער גוטניק, וועלכער איז ניט לאנג געווען אין אדעס, האט ערקלערט די פארשטעהער פון דער פאלקס־גרופע, צו וועלכער ער געהערט, אז ער פארשטעהט ניט וואס מ'האט אויפגעהויבען אזא רעש ארום זיין כלומרשטען אונטערגראבען זיך אונטער דער נאציאנאל־פערסאנאלער אויטאנאמיע. לויט זיינע רייד באציהט זיך דער מיניסטארען־ראט זעהר אויפמערקזאם צו די פראגען פון נאציאנאלע מינדערהייטען, נאר ער האלט ניט פאר א מוז דאס עקזיסטירען פון באזונדערע נאציאנאלע מיניסטעריומ'ס. ער, גוטניק, פון זיין צד סימפאטיזירט דער נאציאנאל־פערסאנאלער אויטאנאמיע און לעגט פאר צושטעלען די געזעץ־פראיעקטען וועגען די רעכט און פליכטען פון די אידישע קהלות, וואס וועט געוויס אנגענומען ווערען פון מיניסטארען־ראט.

אויף א בעראטונג אין גרויסרוסישען מיניסטעריום וועגען רעעוואקואציע איז געקומען דער געהילף פון מלוכה־סעקרעטאר (וועמען די רעגירונג האט איבערגעגעבען אויסארבעטען א פראיעקט פון אנ'אנשטאלט, צו וועלכער עס דארפען איבערגעהן די פונקציעס פון די נאציאנאלע מיניסטעריומ'ס) און געשטעלט פראגען: מיט וואסערע אייגענטליך ארבעטען פארנעמען זיך די נאציאנאלע מיניסטעריומס, וואס איז אזוינס נאציאנאל־פערסאנאלע אויטאנאמיע, וואסערע רעכט זי גיט די פעלקער פון אוקראינע.

דער מיניסטארען־ראט האט איבערגעגעבען דעם געהילף פון מלוכה־סעקרעטאר ראמאנאוו'ן, ער זאל אויסארבייטען א נייעם געזעץ־פראיעקט וועגען נאציאנאל־פערסאנאלער אויטאנאמיע.

אין א שמועס מיט די זשורנאליסטען האט ראמאנאוו געזאגט, אז ער טרעט ערשט צו צו דער קאנקרעטער בעארבייטונג פון דעם פראיעקט.

דעם נאהענסטען זונטאג רופט ער צונויף א בעראטונג פון די נאציאנאלע מיניסטעריומס און פון די פעראינטערעסירטע אמטען.

דאס אידישע מיניסטעריום האט די טעג באקומען פון געהילף פון מלוכה־סעקרעטאר א בריעף, אין וועלכען ער לאדעט איין די פארשטעהער פון מיניסטעריום אויף א בעראטונג אונטער זיין פארזיץ. בעטראכטען די פראגע ווי אויסצופילען דעם באשלוס פון מיניסטארען־ראט פון 17 מאי ד. י. וועגען „א שאפונג פון די מיניסטעריומס איבער נאציאנאל ענינים" (אזוי שטעהט בוכשטעבליך אין בריף).

דער בודזשעט פונ'ם אידישען מיניסטעריום.

דאס פינאנץ־מיניסטעריום האט זיך געווענדעט צום אידישען מיניסטעריום מיט א פארשלאג, אז עס זאל צוגעשטעלט ווערען אין מיניסטעריום פון פינאנצען דער בודזשעט פונ'ם אידישען מיניסטעריום פאר'ן 1918 יאר.

אין אידישען נאציאנאל־ראט.

די גרעסטע טייל פון דער זיצונג פונ'ם 26־טען מאי איז געווען פארנומען מיט'ן באטראכטען פונקטען־ווייז די רעזאלוציע, וואס איז אריינגעטראגען געווארען פון דער ציוניסטישער פראקציע (זעה נומער 5 „אויף דער וואך") און וועלכע איז אויף דער פאריגער זיצונג אנגענומען געווארען אלס א גרונד־רעזאלוציע.

ה' גראסמאן האט אריינגעטראגען אין נאמען פון דער ציוניסטישער פראקציע פאלגענדע אויסבעסערונגען: אנשטאט די ווערטער „סטאטס־סעקרעטאר אדער פארוואלטער" (פונקט 1) זאל שטעהן — „פארוואלטער", ארויסווארפען אלזא דאס ווארט סטאטס־סעקרעטאר אין הסכם מיט דעם פארשלאג פון די סאציאליסטישע פארטייען און אנשטאט „באשטימט" (פונקט 1) זאל זיין „געוועהלט".

פארשטעהער פון די סאציאליסטישע פארטייען זאגען זיך ארויס געגען דער צווייטער אויסבעסערונג און באגרינדען עס טיילווייז דורך דער קאנסטיטוציע פון נאציאנאל־ראט, טיילווייז מיט פרינציפיעלע טעמים, נאר ביידע אויסבעסערונגען ווערען אנגענומען. אינטערעסאנט איז, וואס אין דער פריהערדיגער זיצונג איז אין נאמען פון די סאציאליסטישע פארטייען אריינגעטראגען געווארען א רעזאלוציע וועגען אידישען מיניסטער, וואו עס ווערט בפירוש געזאגט, אז דער אידישער מיניסטער ווערט „אויסגעקליבען". ווען מען ווייזט אן די סאציאליסטען, אז זיי טרעטען איצט ארויס געגען זייער אייגענעם פארשלאג, וואס זיי האבען געמאכט אויף דער פאריגער זיצונג,

ערקלערט ה׳ ראפעס, אז אין זייער רעזאלוציע ווערט ניט דערמאנט דאס ווארט „איינגעוועהלט“, נאר „דורכ׳ן נאציאנאל־ראט ווערט ארויסגערוקט א פערזאן אויפ׳ן פאסטען פון אידישען מיניסטער“. דאן פאדערט ה׳ קאפלאן (ציוניסט) מ׳זאל איבערליינענען דעם פראטאקאל פון דער פריהעריגער זיצונג און ביי א געלעכטער פון דער פערזאמלונג און געשרייען „אהא!“ ווערט דאקומענטאל באוויזען, אז אין דער רעזאלוציע, וואס עס האבען אריינגעטראגען די סאציאליסטישע פראקציעס, שטעהט בפירוש אויך דאס ווארט איינגעקליבען.

ה׳ שאץ (פאראייניגטע) טראגט אריין נייע אויסבעסערונגען, אז אנשטאט די ערשטע ווערטער פון דער ציוניסטישער רעזאליוציע „נעמענדיג אין באטראכט די געגעבענע פאליטישע לאגע“ (פונקט 1) זאל זיין „ניט געפינענדיג פאר מעגליך אין די איצטיגע פאליטישע באדינגונגען זיך צו באטייליגען אין די וואהלען פון א אידישען מיניסטער“, און אויסמעקען די ווערטער, וואס זאגען, אז דער פארוואלטער פון אידישען מיניסטעריום איז דער „פארשטעהער פון דער אידישער נאציע כלפי חוץ“. די איבבעסערונגען פון די פאראייניגטע ווערען ניט אנגענומען.

ה׳ רעוואוצקי (פ״צ) טראגט אריין פאלגענדע אויסבעסערונג: אייפ׳ן ארט פון די ווערטער „פארלאמענט, ד. ה. דער צוזאמענפאר פון די קהלות“ (פונקט 2) זאל שטעהן „ביז די אידישע גרינדונגס־פארזאמלונג, צוזאמענגעשטעלט אויפ׳ן יסוד פון קהלה־פארשטעהערשאפט, וועט באשטימען די פארם פון דער אנפירונג פון דעם אידישען מיניסטעריום“. אין נאמען פון דער ציוניסטישער פראקציע ערקלערט ה׳ גראסמאן, אז די ציוניסטישע פראקציע איז מסכים מיט דער אויסבעסערונג, וועלכע דריקט אויס מיט אנדערע ווערטער זייער געדאנק. די אויסבעסערונג ווערט אנגענומען.

נאכדעם ווי די ציוניסטישע רעזאלוציע איז אין גאנצען ענדגילטיג אנגענומען געווארען, טראגט אריין ה׳ לאצקי (פאלקספארטיי) א פארשלאג, אז דער אידישער נאציאנאל־ראט [illegible] בעטען א באראטונג פון די פרעזידיומס פון אלע נאציאנאל־ראטען (רוסישער, פוילישער און אידישער), כדי געמיינזאם צו באטראכטען די לאגע פון דער נאציאנאלער אויטאנאמיע. דער פארשלאג ווערט איינשטימיג אנגענומען.

ווייטער לייענען איבער די פארשטעהער פון ציוניסטען און בונד זייערע פארשלאגען וועגען אויסבעסערונגען צום וואהל־געזעץ אין דער צייטווייליגער אידישער נאציאנאלער פארזאמלונג (פארפארלאמענט), וועלכע וועלען באטראכט ווערען אויף דער קומענדער זיצונג.

צום סוף פון דער זיצונג לייענט פאר דער פארשטעהער פון די ציוניסטישע פראקציעס ה׳ קאפלאן א קורצע זאכליכע פראגראם פאר דעם פארוואלטער פונ׳ם אידישען מיניסטעריום. עס ווערט באטאנט, אז עס האנדעלט זיך מכח א פראגראם פאר דער קורצער צייט ביז דער צייטווייליגער אידישער נאציאנאלער פארזאמלונג, וועלכע וועט באשטימען די אדער אנדערע פארמען פון אידישען נאציאנאלען לעבען. דערווייל דארף מען שטרעבען ניט צו פארשארפען די כתות, נאר אבהיטען די עקזיסטירענדע אנשטאלטען. אויסרעכענענדיג די אלע פראגראם־פונקטען, וועלכע געפינען זיך אין דער ציוניסטישער דעקלאראציע, ערקלערט ה׳ קאפלאן, אז דער פארוואלטער פון מיניסטעריום דארף אין דער קולטור־ארבייט שטעהן אויפ׳ן יסוד פון די פאלגענדע צוויי פרינציפען.

1) בנוגע צו געזעלשאפטליכער און פריוואטער איניציאטיווע קיין שום באגרענצונגען פאר העברעאיש און אידיש. ב) אין דער איבעריגער קולטורעלער ארבייט בלייבט דאס מיניסטעריום גופא בנוגע צו דער שפראכענפראגע אויפ׳ן נייטראלען שטאנדפונקט, איבערלאזענדיג די אנטשפרעכענדע באשליסען די באטרעפענדע ארגאנען פון דער אידישער אויטאנאמיע.

בשעת ה׳ קאפלאן רעדט וועגען קולטור־ארבייט אין העברעאיש פארזוכט ה׳ ראפעס צו איראניזירען איבערשרייענדיג „אנטי־קולטור“, נאר ער באקומט א געהעריגע תשובה:

— אנטי־קולטור הייסט, ווען דער אידישער מיניסטער גיט ניט קיין מלוכה־געלט יענע בילדונגס־אנשטאלטען, וועלכע וועלען פירען למודים אין העברעאיש און קערט אונז אום צו די צייטען פון קאסא (געלעכטער און אפלאדיסמענטען).

וואס ווייטער?

די לעצטע זיצונג פונ׳ם אידישען נאציאנאל־ראט, וועלכע איז פארגעקומען זונטאג, דעם 2־טען יוני, האט זיך געענדיגט אהן שום רעזולטאט. די ארבייטס־פראגראם פאר׳ן מיניסטעריום, וועלכע איז פארגעלייגט געווארען דורך די ציוניסטען, איז ניט אנגענומען געווארען דורך דעם, וואס דער פארשלאג איבערצוגעהען צו באטראכטען די פראגראם פונקטענווייז איז אבגעווארפען געווארען מיט דרייסיג שטימען געגען דרייסיג.

ווען מען איז צוגעקומען צו די וואהלען פון א פארוואלטער האט דער קאנדידאט ה. לאצקי באקומען דרייסיג שטימען „פאר“ און דרייסיג „געגען“. אויף אזא אופן איז ער ניט איינגעוועהלט געווארען.

פרטים וועגען דער זיצונג — אין קומענדען נומער.

אין פרעזידיום.

דעם 28־טען מאי איז פארגעקומען א זיצונג פון פרעזידיום פון נאציאנאל־ראט. עס זיינען געווען פארטראטען אלע פראקציעס.

דעם פרעזידיום ווערט מיטגעטיילט, אז אויף זונטאג רופט צונויף דער מלוכה־סעקרעטאר א באראטונג פון פארשטעהער פון אלע נאציאנאלע מיניסטעריומס וועגען דעם ווייטערדיגען גורל פון די נאציאנאלע מיניסטעריומס.

דער פרעזידיום האט באשלאסען צוצושטעלען א מעמאראנדום דעם מיניסטארען־ראט וועגען דער נויטיגקייט אפצוהיטען דעם אפאראט פון די נאציאנאלע מיניסטעריומס פאר דער באפרידיגונג פון די נאציאנאלע באדערפנישען פון דער באפעלקערונג און צו באשטימען א פארוואלטער איבער׳ן מיניסטעריום.

דער מעמאראנדום דארף טראגען א אינפארמאציאנס־כאראקטער.

דורכ׳ן פרעזידיום ווערט אויך צונויפגערופען א באראטונג פון פארשטעהער פון אלע נאציאנאל־ראטען כדי צו באקלערען די געמיינזאמע שריט.

דער פרעזידיום פון אידישען נאציאנאל־ראט וועט אויף דער לעצטער באראטונג זיין פארטראטען דורך ה׳ ווילבער־פארבען (פאראייניגטער) און ה׳ הינדעס (ציוניסט).

די פארשטעהער פון די ציוניסטען האבען ווידער געשטעלט אין טאג־ארדנונג די פראגע וועגען דער פראגראם און פערזאן פון צייטווייליגען פארוואלטער פון אידישען מיניסטעריום. זיי האבען דורכאויס פארלאנגט, אז דער נאצ.־ראט זאל אין דעם ענין האנדלען פארלאמענטאריש, ד. ה. באטראכטען דעם פראגראם און שאפען פאר אים א באשטימטע מערהייט, און דערנאך אויסוועהלען די פערזאן פונ׳ם פארוואלטער.

אויף דער זיצונג איז אויך באטראכט געווארען די פראגע וועגען דעם, צי האט דאס אידישע מיניסטעריום רעכט שטעלען דער רוסישער רעגירונג פאדערונגען וועגען אומקערען וועלכע ־ ניט ־ איז אידישע קינסטלערישע אדער וויסענשאפטליכע חפצים פון רוסלאנד קיין אוקראינע.

ווי באוואוסט, האבען די אוקראינער ארויסגעשטעלט אזעלכע פאדערונגען צו דער רוסישער רעגירונג און זיי ווערען באטראכט אין א ספעציעלער קאמיסיע ביי די רוסיש־אוקראינישע דעלעגאציעס.

דער פארשטעהער פון „בונד“ האט געגען דעם ערווידערט. די ציוניסטען האבען פארגעלעגט, ניט באשטימענדיג פאראויס די דאזיגע פראגע פרינציפיעל, בילדען אן עקספערטען־קאמיסיע, וועלכע זאל פעסטשטעלען וועגען וואס אייגענטליך האנדעלט זיך. דערביי האט ה׳ קאפלאן אנגעוויזען, אז אין רוסלאנד ראבעווען די באלשעוויקעס א סך ווערטפולע אידישע ביבליאטעקען און זאמלונגען און אפטמאל פארקויפען זיי איינציגווייז אויף דעם מארק.

דער פארשלאג פון די ציוניסטען ווערט אנגענומען מיט אלע שטימען געגען „בונד“.

דאס אידישע לעבען אויף אוקראינע.

אינ׳ם אידישען מיניסטעריום.

דער דעפארטאמענט פון זעלבסט־פארוואלטונג ביים אידישען מיניסטעריום האט צוגעשיקט אלע קהלה־ראטען אנ׳אנקעטע וועגען דעם צושטאנד פון די קהלות און וועגען די אנשטאלטען, וועלכע זיי האבען איבערגענומען פון די אלטע קהלות.

דער זעלבער דעפארטאמענט האט צוגעשיקט א צירקוליאר צו אלע קהלה־ראטען, וואו ער איז מודיע, אז דער געזעץ וועגען צוואנגס־שטייער וועט מסתמא אין גיכען דורכגעפירט ווערען און דערמיט וועט פארגרינגערט ווערען דער פינאנס־קריזיס פון די קהלות. ווייטער איז ער מודיע, אז דער דעפארטאמענט גרייט צו א געזעץ־פראיעקט וועגען דער קאמפעטענץ פון די קהלות.

ביז איצט זיינען באשטעטיגט געווארען די וואלען אין 93 קהלות, צווישען וועלכע ס׳זיינען שוין דא כמעט אלע גרעסטע אידישע קהלות, ווי אדעס, קיעוו, יעקאטערינאסלאוו, בערדיטשוו און אנדערע. וואהלען זיינען שוין פארגעקומען אין א סך מער שטעט. דער דעפארטאמענט בעט אלע קהלות וואו די וואלען זיינען שוין פארגעקומען, זיך צואיילען מיט׳ן צושיקען די געשעפטס־פירונג, כדי די באשטעטיגונג זאל קאנען באלד פארקומען און כדי זיי זאלען זיך קאנען באטייליגען אין די וואהלען צו דער צייטווייליגער נאציאנאלער פארזאמלונג.

די נייע אידישע פארטיי.

די נייע אידישע פארטיי, וואס האט זיך געגרינדעט אין קיעוו, איז געשאפען געווארען, ווי עס ווייזט זיך ארויס, אויפ׳ן חשבון פון דער פאלקספארטיי, מיט וועלכער אסך מיטגלידער זיינען ניט געוועזען צופרידען, ווייל זי געהט אמאל מיט די ציוניסטען אמאל מיט די סאציאליסטען.

די גרינדער פון דער נייער פארטיי גלויבען אז די צוקונפט פונ׳ם אידישען פאלק ליגט אין רוסלאנד און ניט ערגעץ אנדערש וואו. די דאזיגע פארטיי, אין וועלכער עס געהען אריין אידישע אינטעליגענטען און פארשטעהער פון דער בורזשואזיע ווילען, אז די אידישע רעוואלוציע זאל געהן פון

אויבען, אַז די אידישע בורזשואזיע אַליין דאַרף שטרעבען צו פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון די אידישע אַרבייטער.

די קיעווער פּאַרטיי פֿירט אַצינד אונטערהאַנדלונגען מיט דער אָדעסער פֿאָלקס-גרופּע וועגען צונויפֿגיסען זיך. אויף אַזאַ אופֿן וועלען מיר אין גיכען באַקומען, צו דער גרויסער פֿרייד פֿון די אידישע סאָציאַליסטען, נאָך איין בורזשואזע אידישע פּאַרטיי, וואָס זאָל פֿאַרנעמען אַ פּלאַץ צווישען זיי און די ציוניסטען.

דער לערער-צוזאַמענפֿאָר.

שבת דעם 1-טען יוני האָט זיך געעפֿענט דער צוזאַמענפֿאָר פֿון אידישען דעמאָקראַטישען לערער-פֿערבאַנד; אויף דעם צוזאַמענפֿאָר זענען אַנגעלאַדען פֿאָרשטעהער פֿון אַלע סאָציאַל-פּאַרטייען, פֿון פֿאָלקס פּאַרטיי, קולטור-ליגע.

אַ גוטער בײַשפּיל.

צוליב דעם, וואָס די יעקאַטערינאָסלאַווער קהלה האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע ניט צו שיקען אין דער צענז-דומע קיין ראַטמענער, האָבען די אידישע מיטגלידער פֿון דער באַשטימטער שטאָט-אופּראַווע זיך אָפּגעזאָגט פֿון זייערע שטעלעס.

ווי באַוואוסט, איז די פֿריהערדיגע דומע פֿונאַנדערגעלאָזט געוואָרען און אויף איר אָרט איז באַשטימט געוואָרען אַ נײַע, דערהויפּט פֿון די אַלטע גלאַסני.

אַ קינסטלער-אויסשטעלונג.

די טעג וועט זיך אין אָדעס עפֿענען די ערשטע אויסשטעלונג פֿון אידישע קינסטלער. אויף דער אויסשטעלונג וועלען אַרויסגעשטעלט ווערען סײַ די אַרבייטען פֿון יונגע קינסטלער, אַזוי אויך די ווערק פֿון די אַלטע אידישע קינסטלער, ווי לעווימאַן, גינצבורג און אַנדערע. אַ חשוב'ן אָרט פֿאַרנעמען אין'ם אָרגאַניזירען די אויסשטעלונג די אָנגעזעהענע אידישע קינסטלער אין אָדעס—בערשאַדסקי, קישינעווסקי, הערשענפֿעלד, אָרטשענקאָ און אַנדערע.

אידישע אַנאַלפֿאַבעטען.

אין מיניסטעריום פֿאַר אידישע ענינים איז פֿאַרענדיגט געוואָרען די אויספֿאָרשונג וועגען דעם קולטורעלען צושטאַנד פֿון דערוואַקסענע אידען. פֿאַר אַ גרונד זײַנען גענומען געוואָרען אויספֿאָרשונגען וועגען קולטורעלען צושטאַנד פֿון פֿאַרשידענע קאַטעגאָריעס פֿון אידישע אַרבעטער אין פּוילען, אידישע הײמלאָזע אין פּאָלטאַווע, פֿון האַלחעס טאַנער אידישע עמיגראַנטען, פֿון אידישע סטאָליאַרעס, שנײַדער, זאָקענמאַכער, הענטשקעמאַכערס. די ציפֿער פֿון פּערזאָנען, וועגען וועלכע די אויספֿאָרשונג איז געמאַכט באַטרעפֿט 18,429, נאָר מער אויספֿירליכע ידיעות איז פֿאַראַן וועגען 15,317 אידען.

די צאָל אַנאַלפֿאַבעטען בכלל איז צווישען די 15,317 אידען—1528, כמעט 10 פּראָצ. אַנאַלפֿאַבעטען אויף אידיש זײַנען פֿאַראַן 1795, אָדער, 11,77 פּראָצענט. די צאָל אידען, וואָס קאָנען קיין אידיש ניט און באַנוצען זיך אין דער זעלבער צײַט מיט אַן אַנדער שפּראַך, איז זעהר קליין. נאָהענט פֿון 30 פּראָצענט קאָנען נאָר אידיש אַליין.

די אָדעסער „סאָיוזניקעס".

די אָדעסער „סאָיוזניקעס" האָבען אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ. דעם 6 מאַי, אין ניקאָלאַי'ס געבורטס-טאָג, האָבען זיי געמאַכט אַ פֿאַרזאַמלונג און אַ גאָטעס-דינסט מיט אַ מי שברך דעם געחזויענעם קייזער. אויף דער פֿאַרזאַמלונג האָט דער סאָיוזניק באַלדינסקי געמאָלדען, אַז ס'איז געגרינדעט געוואָרען די אידישע קהלה און גערופֿען אַלע רוסישע לײַט אַקעגען איר אַרײַנטרעטען אין דער רוסישער געמײנדע, וועלכע איז דער פֿאַראײן פֿון די רוסישע לײַט.

דער פּאָגראָם אין נאָווגאָראָד-סעווערסק.

וועגען פּאָגראָם, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין נאָווגאָראָד-סעווערסק, זײַנען אין אידישען מיניסטעריום ערהאַלטען געוואָרען פּרטים. אין אַ משך פֿון צוויי חדשים איז די באַפֿעלקערונג טעראָריזירט געוואָרען פֿון די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבען אַרויפֿגעלעגט אויף די אידען אַ קאָנטריבוציע פֿון 750000 רובל און צוגענומען 230000 רובל. דעם 1 אַפּריל האָט אַ גרופּע באָלשעוויקעס געמאַכט אַ פּאָגראָם און געהרגעט 62 אידען, 14 שווער פֿאַרוואונדעט. אַחוץ דעם האָט מען געפֿונען 16 הרוגים אויסער דער שטאָט. געליטען האָט איבערהויפּט די אָרימע באַפֿעלקערונג; די היזקות באַטרעפֿען העכער אַ מיליאָן. עס זײַנען געבליבען אַ סך אַלמנות און יתומים. פֿון די אַרומיגע דערפֿער זײַנען אָנגעקומען אַ סך הײמלאָזע, וואָס זײַנען געבליבען אָהן שום מיטלען צום לעבען.

עס איז געגרינדעט געוואָרען אַ הילף-קאָמיטעט פֿאַר די געליטענע.

דאָס אידישע מיניסטעריום האָט זיך געווענדעט צום אינערן-און יוסטיץ-מיניסטעריום וועגען אָנגעמען מיטלען צו באַשטראָפֿען די שולדיגע.

פּאָגראָם-אַגיטאַציע אין וואָלין.

אין פֿאַרשידענע ערטער פֿון וואָלינער גובערניע ווערט געפֿירט אַנאָפֿענע פּאָגראָם-אַגיטאַציע געגען אידען. די גובערניאַלע מאַכט נעמט אָן מיטלען.

אַנטיסעמיטיזם אין וויטעבסקער ראַט.

אין וויטעבסקער אַרבעטער-ראַט זײַנען אַנאַרכיסטען אַרויסגעטראָטען מיט רעדעס וועגען אַרויסטרײַבען אידען פֿונ'ם ראַט און פֿון זײַנע אַנשטאַלטען, בײַ דעם פּאָגראָם, וואָס איז פֿאָרגעקומען, האָט גענומען אַ גרויסען אַנטייל בײַם אײַנשטעלען די אָרדנונג די רויטע אַרמײַ.

פּוילישער רעושים.

אין ראָדזין האָט דער מאַגיסטראַט געעפֿענט אַ אידישע פֿאָלק-שול, וואו אַלץ לערנט מען אויף העברעאיש. דאָס נעמט זיך דערפֿון, וואָס די שול-קאָמיסיע האָט געגעבען אַ באַריכט, אַז אידען זײַנען ניט קיין פֿאָלק, נאָר אַ רעליגיעזע גרופּע. אין דער שול ווערט ניט ערלויבט צו דערמאָנען אַ אידיש וואָרט, פֿאַר אַ אידיש וואָרט באַקומט דאָס קינד אַ שטרײַגען פֿס ק.

פּוילישער אַנטיסעמיטיזם.

אין מאָהילעוו זײַנען די פּוילישע צענזי-עלעמענטען געוואָרען די בעלי-בתים פֿון שטאָט און דאָס פֿיהלען גוט אויף זייערע פּלײצעס די אידען. עס ווערט געפֿירט אַ פּאָגראָם אַגיטאַציע. פּוילישע מיליטער-אָבטײלונגען האָבען געשלאָגען מכּת-רצח אידען אין די גאַסען. די פּאָליאַקען האָבען אַרעסטירט דעם אָנפֿירער פֿון אַרבעטער-דעפּוטאַטען-ראַט קאַץ, געבונדען אים מיט שטריק, חוזק געמאַכט פֿון אים און אכזריות'דיג געשלאָגען.

אידישער פּאָליטעכניקום—אַ היכשול.

דער יעקאַטערינאָסלאַווער אידישער פּאָליטעכניקום האָט באַקומען די רעכט פֿון אַ היכשול.

ציוניסטען אידישע אַרטיסטען.

די טעג איז פֿאָרגעקומען אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון די קיעווער אידישע אַרטיסטען. עס זײַנען באַטראַכט געוואָרען אַ רײַהע אָרגאַניזאַציאָנס-פֿראַגען, וואָס האָבען אַ שײַכות צו פֿאַרשטאַרקען די אָרגאַניזאַציע פֿון די אידישע אַרטיסטען אויף גאַנץ אוקראַינע.

עס איז אָנגענומען געוואָרען אַ באַשלוס צו צונויפֿרופֿען אין 16—20 יוני אַן אַלאוקראַינישע קאָנפֿערענץ פֿון די אידישע אַרטיסטען.

אויף דער ראָזינער פֿאַרזאַמלונג איז אויך אָנגענומען געוואָרען אַ באַשלוס צו עפֿענען אין קיעוו אַ קינדער-היים פֿאַר די קינדער פֿון די אידישע אַרטיסטען און אַרויסגעבען אַ מאָנאַטליכען זשורנאַל, געווידמעט די פֿראַגען פֿון אידישען טעאַטער.

באַפֿרייט די אַרעסטירטע בונדיסטען.

דעם 23-טען מאַי זײַנען באַפֿרייט געוואָרען די בונדיסטען זאַלאַטאַרעוו, העפֿץ און בערנשטיין, וואָס זײַנען אַרעסטירט געוואָרען אויף אַ פֿאַרזאַמלונג אין דער שטאָט-דומע. קיין שום באַשולדיגונג האָט מען זיי ניט פֿאָרמולירט.

אַ אידישע גימנאַזיע אין קיעוו.

די ביוראָ פֿון דער קולטור-ליגע האָט באַשלאָסען צו עפֿענען אין קיעוו אָנהויב לעהר-יאָהר אַ אידישע געמישטע גימנאַזיע, וואו די למוד-שפּראַך וועט זײַן אידיש.

אין דער שול-קאָמיסיע פֿון קיעווער קהלה-ראַט.

דעם 23 מאַי איז פֿאָרגעקומען אַ זיצונג פֿון דער שול-קאָמיסיע בײַם קיעווער קהלה-ראַט, אויף וועלכער די פֿאָרשטעהער פֿון די פֿראַקציעס האָבען געהאַלטען פֿאָרטראַגען וועגען דעם פּלאַן פֿון בילדונגס-טעטיגקייט. עס איז באַשלאָסען געוואָרען צו אָנגעמען די פֿאָרשלאַגען פֿון דער ציוניסטישער פֿראַקציע אַלס יסוד און מיט זיי זיך רעכענען בײַ די אַבשטימונגען. אויף דער ראָזינער זיצונג זײַנען נאָך ניט באַטראַכט געוואָרען אַלע פּונקטען, נאָר עס איז שוין אָנגענומען געוואָרען, אַז די נאָרמאַלע שול דאַרף זײַן אויף העברעאיש; אידיש אַלס לימוד-שפּראַך דאַרף מען אָנהייבען לערנען פֿונ'ם 3-טען לערן-יאָר. ווען אַ גרופּע עלטערן פֿאָדערן אַ שול מיט אידיש אַלס די למוד-שפּראַך דאַרף די קהלה אַזאַ שול סובסידירען, בתנאי, אַז מ'זאָל דאָרט לערנען העברעאיש אויך.

צוליב דעם, וואָס אַלס גרונט-פֿאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען דער ציוניסטישער, האָט דער פֿאָרשטעהער פֿון די פֿאַראײניגטע ה' לעחיטאַן ערקלערט, אַז זײַן פֿראַקציע וועט ניט נעמען קיין אַנטייל בײַם אָבשטימען די אײנצעלנע פּונקטען און זיי לאָזען איבער פֿאַר זיך דאָס רעכט אַרויסצוטרעטען אין פּלענום פֿון קהלה-ראַט מיט אַ באַזונדערן פֿאָרשלאַג.

אין יעקאַטערינאָסלאַווער קהלה-ראַט.

אין יעקאַטערינאָסלאַווער קהלה-ראַט האָט זיך שוין קאָנסטרואירט דאָס פּרעזידיום און די פֿאַרוואַל-

טונג, אין וועלכע עס נעהמען ארײַן אויך פארשטעהער פון די סאציאליסטישע פארטײַען.

די שטרײַט־פראגען, ווי די שפראכען־פראגע א. א. זײַנען אבגעלעגט געווארען און מ'איז צוגעטראטען צו פראקטישער ארבעט.

קיעווער קהלה־ראט.

די רעליגיאנס־קאמיסיע פונ'ם קיעווער קהלה־ראט האט שוין אויסגעארבעט א פלאן פון א רעגעלמעסיגען באשטימטען רבנים, וואס זאלען האבען זייער פליכט אכטונג צו געבען אויף כשרות, שחיטה, בתי־מדרשים, ווי אויך אלע אנגעלעגענהייטען פון קדושין און גיטין. דער פלאן וועט אינגיכען צוגעשטעלט ווערען דער פלענארער זיצונג פון קהלה־ראט

פראטעסט־רעזאלוציע פון וויניצער קהלה.

אויף דער זיצונג פון וויניצער קהלה־ראט, וואס איז פארגעקומען דעם 19־טען מאי, איז באטראכט געווארען די פראגע וועגען דער נאציאנאל־פערסאנאלער אווטאנאמיע. נאך איינע דעבאטען איז אנגענומען געווארען פאלגענדע רעזאלוציעס: 1) אזוי ווי צוזאמען מיט אלע דערגרײַכונגען פון דער רעוואלוציע געפינט זיך אויך די נאציאנאל־פערסאנאלע אווטאנאמיע אין סכנה, געפינט ניט דער ראט פון דער וויניצער אידישער קהלה פאר מעגליך צו שווייגען און ער טראגט ארויס זײַן שארפסטען פראטעסט קעגען יעדע פרוב צונעמען בײַם אידישען פאלק די איינציגע מעגליכקייט פון פרייער אנטוויקלונג אין אוקראינע — די אידישע נאציאנאל־פערסאנאלע אווטאנאמיע; 2) דעם גורל פון דער אוקראינער באפעלקערונג בכלל און פון די אידען בפרט האט דאס רעכט צו באשטימען נאר די אוקראינער און אידישע גרינדונגס־פארזאמלונג, 3) דער איצטיגער וואהל־געזעץ דארף בלײַבען אומגעענדערט ווי בנוגע צו די וואלען אין די צענטראלע אזוי אויך אין ארטיגע ארגאנען, אלגעמיינע און נאציאנאלע. 4) דאס אידישע מיניסטעריום דארף פארבלײַבען און דער אידישער מיניסטר אדער שטאט־סעקרעטאר דארף זײַן אנ'אויסגעקליבענער און דארף זײַן פאראנטווארטליך פאר דער פולבארעכטיגער אידישער פארשטעהערשאפט.

אנטיסעמיטישע עקסצעס'ן אין האראדניא.

דעם 20 מאי האט דעם קריגס מיניסטער באזוכט דער מיטגליד פון נאצ.־ראט י. ג. מיאסקין מיט א דעלעגאציע פון דער אידישער באפעלקערונג אין האראדניא, טשערניגאווער גוב. די דעלעגאציע האט איבערגעגעבען פרטים וועגען דער אכזריות'דיגער אויפפירונג פונ'ם ארטיגען אוקראינישען אטריאד און פון דער פארברעכערישער גלײַכגילטיגקייט פון דער ארטיגער מאכט בשעת די עקסצעסען, וואס זײַנען ניט לאנג פארגעקומען אין שטעטל.

ניט לאנג זײַנען אין שטעטל דורך די אוקראינישע סאלדאטען ארעסטירט געווארען דער פאטער מיט'ן זוהן פיסארעווסקי. ווען מ'האט זיי געבראכט אין דער קאמענדאטור האט מען זיי שרעקליך געפײַניגט און געשלאגען און זיי פארשטופט דאס מויל מיט הײַ כדי זיי זאלען ניט שרײַען. ווען די געשלאגענע מכות־רצח האבען זיך געווענדעט צום געהילף־קאמענדאנט יאראשעווסקי מיט אנ'אינקלאגע האט יענער באלד פארלאזט דאס צימער און דער פארבליבענער קאמאנדיר פון אטריאד האט זיך ווידער אמאל גענומען זיי שלאגען. דאס האט זעלבסטפארשטענדליך ארויסגערופען א שרעקליכע אויפרעגונג צווישען דער אידישער באפעלקערונג.

כדי צו פארדרייען די גאנצע מעשה האט מען דעמזעלבען טאג ארעסטירט דעם רב פון שטאט און עטליכע אנגעזעהענע אידען און מ'האט זיי באשולדיגט, אז זיי האבען געזאלט פארגיפטען דעם אוקראינישען אטריאד. א דאנק דעם דײַטשען קאמענדאנט זײַנען די ארעסטירטע באפרײַט געווארען.

אין דעם איינציגען טאג האבען איינצעלנע אוקראינישע סאלדאטען טויט געשלאגען עטליכע אידען.

ענליכע עקסצעסען וואס האבען זיך טיילווייז געענדיגט מיט דערשיסען די אונשולדיגע קרבנות, זײַנען אויך פארגעקומען אין ראדולא און דאבריאנקע.

די נײַע קהלות.

שעפעטאווקע: פון 2464 פערזאן האבען געשטימט 1496. עס זײַנען אויסגעקליבען: פ"צ — 9, בונד — 9, „אחדות" — 4, ציוניסטען — 4, פאראייניגטע — 1.

בארזנא (טשערניג. גוב.): ציוניסטען — 9, „עת ישראל" — 6, בונד — 6, אומפארטייאישע — 4.

נאווא־אוקראינקע (קיעוו. גוב): ציוניסטען — 11, פאלקס־פארטיי — 8, בעלי־מלאכות — 4, אומפארטייאישע — 4.

סימפעראפאל: ציוניסטען — 12, אומפארטייאישע — 8, פ"צ — 7, בונד — 5, קרימטשאקעס — 5, פאראייניגטע — 2.

בערדיאנסק: נאצ. בלאק — 19, בונד — 6, פ"צ — 5.

מעליטאפאל: ציוניסטען — 12, בונד — 7, „אחדות" — 5, בעלי־מלאכות — 2, פאראייניגטע — 1, פ"צ — 1.

פעאדאסיע: ציוניסטען — 15, פאראייניגטע — 6, בונד — 5.

אדעסער קהלה־ראט.

דעם 18־טען מאי איז פארגעקומען די ערשטע פײַערליכע זיצונג פונ'ם ערשט אויסגעקליבענעם אדעסער קהלה־ראט.

די זיצונג האט געעפענט דער פארזיצער פונ'ם ארגאניזאציאנס־קאמיטעט אדוואקאט בראדסקי, וועלכער האט באגריסט די ראטמענער מיט דער נײַער עראבערונג פון דער אידישער אויטאנאמיע און גערופען ווײַטער צו פירען די ארבעט און קעמפען פאר דער נאציאנאל־פערסאנאלער אווטאנאמיע. נאכ'ן איבערלייענען דעם צעטעל פון די אויסגעוועהלטע ראטמענער טרעטען ארויס מיט באגריסונגען דער שטאט־גאלאווא באגיצקי, א פארשטעהער פון די פוילישע ארגאניזאציעס און דער ס.־ר. קוליאבקא־קארעצקי. נאכדעם האט מען באערט מיט אויפשטעהן דעם אנדענק פון די קרבנות פון דער רעוואלוציע און מען איז צוגעטראטען צו קלויבען א פארזיצער.

נאך בא ווייזט זיך ארויס, אז די פראקציעס זײַנען צו קיין אײַנגלײַך ניט געקומען און קיינער שטעלט ניט ארויס קיין קאנדידאטור. די פראקציעס פון פ"צ און די ציוניסטישע ערקלערען, אז זיי וואלטען ארויסגעשטעלט קאנדידאטען פאר פארזיצער, נאר ווײַל קיין אנדערע פראקציעס וועלען זיי ניט שטיצען דאריבער האלטען זיי זיך אב. בונד און פאראייניגטע מעלדען, אז זיי וועלען ניט ארויסשטעלען קיין קאנדידאטען, ווײַל קיין איין קאנדידאט וועט נישט באקומען קיין אבסאלוטע מערהייט און לעגען פאר בילדען א קאלעגיאלען פרעזידיום פון אלע פראקציעס. דער דאזיגער פארשלאג ווערט אבגעווארפען. אזוי האט זיך די ערשטע זיצונג, וואס האט זיך פארצויגען ביז דרײַ בײַנאכט, געענדיגט מיט גארנישט.

אויף דער צווייטער זיצונג פון 23־טען מאי ווײַזט זיך ארויס, אז דער צענטער (אחדות, נאציאנאל־דעמאקראטען און פאלקס־גרופען) שטעלען ארויס די קאנדידאטור פון ד"ר זילבערבערג, אויף וועלכען עס זײַנען מסכים דער בונד און פאראייניגטע. די ציוניסטען פאדערן, אז דער פארזיצער דארף זײַן א ציוניסט. נאכדעם ווי בונד און די פאראייניגטע שטעלען ארויס די פאדערונג, אז ד"ר זילבערבערג זאל רעדען אידיש זאגט זיך דער צענטער אב צו ארויסשטעלען זײַן קאנדידאטור. דער פארזיצער־קריזיס ווערט נאך ערגער פארשארפט. עס ווערען ארײַנגעטראגען פארשלאגען צו קלײַבען א צײַטווײַליגען פרעזידיום און געהילף־פארזיצערס און קלויבען א פארזיצער מיט א רעלאטיווער מערהייט. די פארשלאגען ווערען אבער אבגעווארפען.

דאן לעגט פאר רעוואוצקי אין נאמען פון פ"צ, אז אזוי ווי דער פרעזידיום קאן זיך בשום אופן ניט קאנסטרואירען, זאל דערווײַל די וואהל־קאמיסיע זײַן דער פרעזידיום פונ'ם קהלה־ראט. געגען דעם טרעטען שארף ארויס די ציוניסטען און ה' בריוואים ערקלערט, אז די וואהל־קאמיסיע איז א טעכנישער ארגאן, וואס איז געקליבען פון גאר אנדערע מענשען, און זי קאן בשום אופן ניט אנערקענט ווערען אלס צײַטווײַליגער פרעזידיום פון קהלה־ראט. אין נאמען פון דער ציוניסטישער פראקציע לעגט ה' בריוואוס פאר אבלעגען די זיצונג ביז שבת.

דער פארשלאג פון פ"צ. ווערט אנגענומען (די ציוניסטען האבען ניט געשטימט) און אלס פראטעסט פארלאזען די ציוניסטען און א טייל פון „אחדות" די זיצונג.

דערנאך לייענען זייערע דעקלאראציעס פארשטעהער פון בונד, פאראייניגטע, פ"צ. און פאלקסגרופע און דערמיט ווערט די צווייטע זיצונג געשלאסען.

קיעווער קהלה־ראט.

אויף דער זיצונג פון 22 מאי איז באטראכט געווארען די פראגע וועגען קריזיס, וואס איז געשאפען געווארען מיט דער דימיסיע פון די פארוואלטונגס־מיטגלידער.

אין נאמען פון דער ציוניסטישער פראקציע האט ה' בעלאצערקאווסקי פארעפענטליכט פאלגענדע דעקלאראציע.

בײַ אונגעהויער שווערע תנאים האט זיך אנגעהויבען די טעטיגקייט פונ'ם קיעווער קהלה־ראט און נישט קוקענדיג דערויף האט א גאנצער דריטעל פון די ראטמענער, די סאציאליסטישע פראקציעס מיט דער פאלקספארטיי, זיך ערקלערט פאר אנ'אומפאראנטווארטליכע אפאזיציע און זיך אבגעזאגט פון יעדער פראקטישער ארבעט. די גאנצע ארבעט איז אלזא געפאלען אויף א געוויסען טייל פונ'ם קהלה־ראט. די פינאנציעלע לאגע פון דער קהלה איז א קאטאסטראפאלע. און בײַ אזוינע שווערע תנאים האט דאך די פארוואלטונג באוויזען זיך צו ארגאניזירען און צוטרעטען צו א גרויסער שאפונגס־ארבעט. צום באדויערען האט זי אבער באגעגענט שטערונגען מצד דער אפאזיציע, וועלכע האט אויס פארטייאישע מאטיווען ארײַנגעטראגען א רעזאלוציע פון מיסטרוי. דאס האט געשטעלט אין סכנה די גאנצע ווײַטערדיגע טעטיגקייט פון דער קהלה.

די ציוניסטישע פראקציע געפינט פאר איר חיוב אויסדרוקען איר פולען צוטרוי און האלט ניט פאר מעגליך אננעמען איר דימיסיע. די ציוניסטישע פראקציע האפט, אז די פארוואלטונג וועט ווײַטער ארבעטען לטובת די אידישע פאלקס־מאסען.

נאכדעם טרעטען ארויס די ראטמענער בין, קאנטאר, ראבין, יודין, ראפעס און אנדערע, וועלכע באמיהען זיך צו באווייזען, אז ניט די אפאזיציע איז שולדיג, נאר די מערהייט, וועלכע האט געשטעלט די אפאזיציע אין אזוינע באדינגונגען, אז זיי זאלען זיך אבזאגען פון דער ארבעט.

געגען די באשולדיגונגען טרעטען ארויס די ראטמענער קאלקער, ראזענבלאט, בעלאצערקאווסקי און באווייזען, אז די סאציאליסטישע ראטמענער האבען שטענדיג געשטערט דער ארבעט פון דער פארוואלטונג.

די סאציאליסטישע פראקציעס האבען ארײַנגעטראגען פאלגענדע איבערגאנגס־פארמאל: „אויסהערענדיג די מעלדונג פון דער פארוואלטונג גייט דער קהלה־ראט איבער צום סדר־היום". די ציוניסטען לעגען פאר פאלגענדע רעזאלוציע: „דער קהלה־ראט געפינט פאר אונמעגליך אננעמען די דימיסיע פון דער פארוואלטונג און דריקט איר אויס פולען צוטרוי". די לעצטע רעזאלוציע קלויבט צונויף 19 שטימען פאר, 14 קעגען און 7 אבגעהאלטענע.

כדי אזעלכע רעזולטאטען ערקלערט די פארוואלטונג אז זי געפינט דאך ניט פאר מעגליך צו בלייבען אויף איר פאסטען.

דערנאך ווערט איינשטימיג אנגענומען דער בודזשעט פון דער מעדיצוניש-סאניטארער קאמיסיע: פאר „בקור חולים" און אמבולאטאריעס—70000 רובל א יאר, פאר באיארקער סאנאטאריום — 10000, אויסער די 30000 פארן אידישען שפיטאל.

שארפע ויכוחים רופט ארויס די שול-פראגע, צו וועלכער מען איז דערנאך איבערגעגאנגען. די ציוניסטען טראגען אריין א רעזאלוציע, אז אלע שולען דארפען זיך געפונען אין דער שול-נעץ פון דער קהלה אהן קיין שום אינספעקציע מצד דער שול-קאמיסיע פון דער שטאט-דומע און מען דארף פאדערן, אז דאס געלט פאר די אידישע שולען זאל איבערגעגעבען פון דער שטאט-דומע אין רשות פון דער קהלה. די סאציאליסטען זיינען ארויסגעטראטען געגען אזא פארשלאג, זיי האלטען, אז די שול-קאמיסיע פון דער דעמאקראטישער דומע דארף האבען איר קאנסטרוקציע. דערביי האט דער ראטמאן קאנטאר, וואס איז א מיטגליד פון דער שול-קאמיסיע אין דומע, געשראקען, אז ער וועט שטערען ארויסצוגעבען דאס געלט פאר די אידישע שולען.

עס איז אנגענומען געווארען א באשלוס וועגען דעם, אז די פארוואלטונג דארף איבערנעמען די 6 אידישע שולען אין איר רשות.

אין דער אידישער וועלט.

דייטשלאנד.

פאראיין פון אידישע ארגאניזאציעס אין דייטשלאנד

אינ'ם „פאראיין פון די אידישע ארגאניזאציעס אין דייטשלאנד", וועלכער איז ניט לאנג געגרינדעט געווארען, זיינען ביז איצט אריינגעטראטען פאלגענדע: צענטראלער פאראיין פון דייטשע בירגער פון אידישען גלויבען, געזעלשאפט צו שיצען די אינטערעסען פון מזרח-אידען, דייטשער פאראיין פון אידישע קהלות, די מאסאנען-לאזשע, פראנקפורטער הילפס-קאמיטעט פאר די נויטבאדערפטיגע מזרח-אייראפעאישע אידען, הילפספאראיין פון די דייטשע אידען, דער קאמיטעט פאר מזרח, פאראיין פון דייטשע אידען, פאראיין פון ליבעראלען אידענטום אין דייטשלאנד און די דייטשע ציוניסטישע ארגאניזאציע.

אלס פארזיצער איז אויסגעקליבען דזשעמס סימאן, וויצע פארזיצער קאסעל און פראפ. פראנץ אפענהיימער (ציוניסט). באפאלמעכטיגטע זיינען ד"ר ארטור האנטקע (ציוניסט) און ד"ר פאול נאטאן.

עס ווערען אנגענומען מיטלען, אז אזעלכע פאראיינען זאלען געגרינדעט ווערען אויך אין עסטרייך-אונגארן, טערקיי און בולגאריען.

לויט'ן פארשלאג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע איז פרינציפיעל אנגענומען געווארען, אז דער פאראיין „וועט זיך באשעפטיגען מיט דערקלערען די שטאנדפונקטען פון דייטשען אידענטום בנוגע צו אלע אידישע פראבלעמען פון נאהענטען און ווייטען מזרח".

שבת-רוה פאר קריסטען.

די מינסקער צייטונג „דער איד" איז מודיע, אז א דייטשער עסקן האט פארעפענטליכט א אויפרוף צו „דעם דייטשע פאלק און זיינע בירגער", אין וועלכען ער לייגט פאר אז אין גאנץ דייטשלאנד זאל מען רוהען אום שבת.

דער מחבר פונ'ם אויפרוף ווייזט אן, אז די ערשטע קריסטען פלעגען רוהען דוקא אום שבת—ווי די אידען איצט; דאס רוהען זונטאג אנשטאט שבת איז איינגעפירט געווארען ערשט אין 4-טען יאר הונדערט.

מיט דעם וואס די קריסטען וועלען רוהען שבת — זאגט דער פארפאסער — וועלען זיך פאראייניגען די אידען און די קריסטען אין דייטשלאנד און אפשר [illegible] אידען וועלען קאנען מקדיש זיין זייערע גייסטיגע כחות פאר דעם פאטערלאנד.

רוסלאנד.

אידישע ארבעטלאזע אין מאסקווע.

אין אידישען קאמיסאריאט באהאנדעלט מען איצט די פראגע וועגען די אידישע ארבייטער, וועלכע זיינען געבליבען אהן ארבעט. די צאל ארבעטסלאזע, וועלכע דערגרייכט שוין איצט, לויט די ידיעות פונם קאמיסאריאט ביז עטליכע טויזענט, נור אין מאסקווע אליין, ווערט גרעסער פון טאג צו טאג. די לייזונג פון דער פראגע איז באזונדערס שווער, דערפאר ווייל די אידישע ארבעטער קאנען זיך ניט פארנעמען מיט ערד-ארבעט.

דער קאמיסאריאט מאכט פאר די אידישע ארבעטער מוסטער-קאלאניעס, אין וועלכע ס'וועלען קאנען ארבעטען אויך פרויען.

די סמעטע פונ'ם נאציאנאלען קאמיסאריאט.

דער פאלק-קאמיסאריאט פאר נאציאנאלע ענינים האט אויסגעארבעט א סמעטע פון 2·279·000 רובל פאר דעם קאמיסאריאט.

אנטיסעמיטיזם אין פעטראגראד.

אין צוזאמענהאנג מיט דער אנטיסעמיטישער פראפאגאנדע באקומען לעצטענס די פעטראגראדער הויז-קאמיטעטען צושריפטען פון דער „קאמארע פון פאלק-נקמה", וואס לעגט זיי פאר נאכקוקען די באלשעוויקעס און אידען און געבען וועגען זיי ידיעות דער קאמארע, וועלכע וועט זיי אלעמען אויסקוילענען אין איין טאג.

קאנפערענץ פון קהלות אין מאסקווע.

די טעג ווערט אין מאסקווע צונויפגערופען א קאנפערענץ פון אלע אידישע קהלות אין רוסלאנד. אויפ'ן סדר-היום שטעהען פאלגענדע פראגע: ארגאניזאציאנס-פראגען פון די ארטיגע קהלות, די אויסבויאונג פון די פארשידענע קהלה-אנשטאלטען, ארגאניזירען די באראטונגען און אבטיילונגען א. א. וו., פינאנץ-פראגען, אלגעמיינע נאציאנאלע לאגע, זעלבסט-באשטייערונג, די באציהונג צו אנדערע אידישע געזעלשאפטען, ווי די הילפס-קאמיטעטען, מפיצי-השכלה, אז"ע, אר"ט א. א., פראגען פון די עוואקואציע וועגען די קריגס-

געפאנגענע, היימלאזע, פראגע פון קאנט-ארגאניזאציעס, ווי שאפען א מרכז און באשטימען זיינע אויפגאבען.

ארגאן פון אידישע באלשעוויקעס.

אין מאסקווע געהט ארויס שוין דעם דריטען חודש א וועכענטליכער ארגאן פון די אידישע באלשעוויקעס „ווארהייט", וועלכער ווערט געצוואונגענערהייט געדרוקט אין דער דרוקעריי פון „העם".

עסטרייך.

די פאגראמען אין גאליציען.

וועגען די פאגראמען אין קראקוי און אלטסאנדעץ זיינען ערהאלטען געווארען ידיעות, אז אויך עסטרייכישע סאלדאטען האבען גענומען אנטייל אין די עקסצעסען געגען אידען. וועגען דעם שרעקליך נידריגען און אכזריותדיג פארהאלטען פון די פאליאקען איז נאך כדאי אנצואווייזען, אז בשעת א דרייטויזענט-קעפיגער המון האט באגלייט דעם געהרגעטען פתחיה מעללער אויפ'ן בית-עולם האבען פוילישע אייזענבאן-ארבעטער געווארפען שטיינער און פארוואונדעט עטליכע אידען.

די פוילישע בלעטער האבען געשריבען, אז דער ערמארדעטער „איז צופעליג געשטארבען פון א הארצשלאג". קיין איין איינציגער פוילישער אנפירער האט ניט אויפגעהויבען זיין שטים צו פראטעסטירען געגען קראקויער פאגראם, נישט קוקענדיג דארויף, וואס קראקוי פארמאגט אנגעזעהענע פארשטעהער פון דער פוילישער פאליטיק, וויסענשאפט, רעליגיע און קונסט. אין קראקוי געפינט זיך אויך דער צענטראל-קאמיטעט פון די פוילישע סאציאליסטען. „די גאנצע אינטעליגענטע פוילישע געזעלשאפט, — שרייבט די „ווינער מארגענצייטונג" — האט מיט באפרידיגונג דורך די פענסטער צוגעזעהען די סצענעס און א סך פון די פאליאקען האבען זאגאר צופרידען געלאכט, ווען מ'האט די אידען פארפאלגט אויף די גאסען".

ווינער אבערראבינער.

פאר ווינער אבערראבינער איז געוועהלט געווארען ד"ר צ. פ. חיות, וועלכער איז געווען פראפעסאר אין פלארענצער ראבינער-סעמינאר און אבערראבינער פון טריעסט. פראפ. צ. פ. חיות איז געבוירען אין בראד 1876 און איז א גרויסער תלמיד-חכם און א איבערגעגעבענער ציוניסט.

היימלאזע אין בראד.

אין בראד האבען זיך איצט צונויפגעקליבען ארום 500 היימלאזע פון וואלין, וואס קערן זיך אום אהיים. די טעג עפענט דער קאמיטעט אין בראד שפייז-פונקטען, וואו די היימלאזע וועלן באקומען פראדוקטען. די היימלאזע ווערן געווארענט ניט צו פארן ביז עס וועט ווי ניט מיטגעטיילט ווערן אז דער וועג איז פריי.

אין קראקוי.

נאכ'ן פאגראם איז אין קראקוי געשאפען געווארען א שווערע אנטיסעמיטישע אטמאספערע. די קריסטליכע הענדלער און הענדלערקעס קומען אויף די אידישע מערק און פאדערן גרויסע פרייזען. די אידישע קונים, וואס האבען מורא איינשטעלען דאס לעבען און געהן אויף די קריסטליכע מערק, מוזען צאלען העכערע פרייזען.

די אידישע צייטונגען, וועלכע קומען ארויס אין קראקוי, ווערען פארהאלטען און ארויסגעלאזען שפעטער מיט א טאג.

שווייץ.

א פראטעסט.

דעם 4 מאי איז אין ציריכער פאלקס-הויז דורכ'ן אויספיר-קאמיטעט פון די מזרח-אידישע ארגאניזאציעס איינגעארדנעט געווארען א גרויסער פאלקס-מיטינג, אויף וועלכען עס זיינען ארויסגעטראטען מיט רעדעס ז. אבעריאן, ד"ר י. קלאצקין און ד"ר מ. טרויב. איינשטימיג איז אנגענומען געווארען פאלגענדע רעזאלוציע:

„די פארזאמלונג פראטעסטירט שארף פאר דער עפענטליכער מיינונג פון אייראפע און אמעריקע געגען די אידען פאגראמען אין גאליציען און זעהט אין דעם די פאלגען פון לאנגיאריגער אנטיסעמיטישער העצע מצד די פאליאקען; זי זעהט אין דעם א סימפטאם פון צונעמען די בירגערליכע און נאציאנאלע רעכט און א וואונש אויסראטען די צוויי מיליאן אידען, וואס לעבען שוין זיבען הונדערט יאר אין פוילען. די פארזאמלונג ווייזט אן דער גאנצער וועלט אויף דער שרעקליכער לאגע פון די רומענישע אידען און פראטעסטירט געגען די פערציגיאריגע ציניזמען פארלעצונגען פון די רעכט פון די רומענישע אידען, וועלכע זיי האבען באקומען דורכ'ן בערלינער אבמאך; זי פראטעסטירט באזונדערס געגען די אכזריות בנוגע צו די אידען פון בעסאראביען און זייער אונטערווארפען אונטער דעם רומענישען יאך.

ווייטער ווערען אין דער רעזאלוציע ארויסגעשטעלט פאדערונגען פון בירגערליכע און נאציאנאלע רעכט, אינטערנאציאנאלע גאראנטיעס און אזוי ווייטער.

אידישע וויסענשאפט אין דער שווייץ.

אין דער שווייצארישער געזעלשאפט פאר פאלקס-פארשונג, וועלכע עס ווערט אנגעפירט דורך דעם באוואוסטען געלערנטען פראפ. האפמאן-קרייער, האט זיך געגרינדעט א סעקציע פאר אידישע וויסענשאפט, וועלכע וועט זיך פארנעמען מיט אויספארשען די מנהגים און פאלקלאר פון די אידען, דערהויפט פון מזרח-אייראפע. די געזעלשאפט האט שוין צו דעם צוועק געזאמעלט א רייכען מאטעריאל.

אידיש אלס האנדעלס-שפראך.

אין א פארטראג, וואס איז געהאלטען געווארען אין דער „דייטשער וועלטווירטשאפטליכער געזעלשאפט" דורכ'ן פראפ. צעפפעל, האט דער לעצטער אנגעוויזען אויף דער גרויסער ראלע, וואס די מזרח-אידען האבען געשפילט אין די האנדעלס-באציהונגען און אויף אידיש אלס אנ'אויס[illegible] האנדעלס-שפראך.

פוילען.

די דייטשע פארוואלטונג און די אידישע ספארט-באוועגונג.

איינע פון די שענסטע זאכען, וואס זיינען אין משך פון דער מלחמה-צייט געשאפען געווארען דורכ'ן נאציאנאלען אידענטום אין פוילען, איז געוויס די ספארט-באוועגונג פון דער אידישער יוגענד. די ספארט-פאראיינען און „וואנדערונגען" האבען זעהר אסך געווירקט פאר דער געזונטער

ערציהונג פונ'ם יונגען אידישען דור. און געגען אט דער באוועגונג, ווי עס שרייבט די „אידישע רונדשוי, בערלין", האט אנגעהויבען שארף ארויסטרעטען די דייטשע מאכט, וועלכע האט פארבאטען די ארגאניזאציע פון די „וואנדער-בונדען" און צוגענומען ביים ווארשעווער ספארט-פאראיין „מכבי" זיין לאקאל.

אינטערעסאנט איז, וואס די דייטשע אקופאציאנס-פערוואלטונג מאטיווירט דעם פארבאט מיט דעם, וואס דאס איז אן אגעמיינער פארבאט און מ'קאן די אידען ניט ערלויבען דאס, וואס די פאליאקען איז פארווערט. די פוילישע ספארט-באוועגונג האט אבער עובר געווען געגען איינינע קריגס-געזעצען און האט זיך באטייליגט אין א פאליטישען קאמף, אין דער צייט ווען די אידישע ספארט-באוועגונג איז נאר ציוניסטיש געשטימט און פארנעמט זיך ניט מיט קיין אינערליכע פאליטיק.

דער לאקאל פון „מכבי", וואס איז מיט אזא מיהע און שוועריגקייטען געפונען און איינגעריכטעט געווארען, איז גראד געפעלען געווארען די דייטשען, וועלכע האבען אים רעקוויזירט פאר דער פאסט-פערוואלטונג. קיינע בקשות האבען ניט געהאלפען. אזא מין שלעכטע באהאנדלונג מצד דער דייטשער מאכט און דאס איגנארירען פון אידישע געזעלשאפטליכע אינטערעסען האט ארויסגערופען אין די אידישע קרייזען פון ווארשא א שטארקע אויפרעגונג.

קהלה-וואהלען אין פוילען.

אין 217 שטעט פון פוילען זיינען שוין דורכגעפירט געווארען די וואהלען צו די אידישע קהלות. אצינד גרייטען זיך די פארטייען שטארק צו די וואהלען אין ווארשא און אין לאדז.

ווען עס וועלען דורכגעפירט ווערען די וואהלען אין ווארשא, לאדז און טשענסטאכאוו וועט שוין זיין מעגליך צו שאצען דעם אידישען איבער-ראט, וואס וועט זיין די העכסטע אינסטאנץ פאר דער אידישער באפעלקערונג פון גאנץ פוילען.

„אגודת האורטודוקסים" אין ווארשא.

די „אגודת האורטודוקסים" אין ווארשא האט פארעפענטליכט איר פראגראם צו די קהלה-וואהלען.

לויט דער פראגראם דארף די נייע גמינע זיין א ווירקליכע פארטרעטונג פון די אידען, און איר פערוואלטונג דארף זיין פארטרעטער פון אלע פארטייען און שיכטען, ביי וועלכע דער טובת-הכלל שטעהט העכער אלס די פארטיי-אינטערעסען, די זיצונגען און פערוואלטונגען דארפען זיין עפענטליכע, די פערוואלטונג זאל פארטיידיגען דעם כבוד פון דעם אידענטום. די הערשענדע שפראך אין די גמינע-איינריכטונגען זאל זיין אידיש. ווייטער פאדערט די אגודה אויפהויבען דעם ראבינער שטאנד, די אויסבעסערונג פון די חברים א. א. וו.

אין ווארשעווער מלוכה-ראט.

אין ווארשעווער פוילישען מלוכה-ראט בילדעט זיך א אידישע פראקציע, וואו עס וועלען אריינגעהן די ה"ה ראזענבליט (לאדז), פרילוצקי (ווארשא), פעפער (קיעלץ) און אנדערע.

אמעריקא.

ניו-יארקער אידישע קהלה.

די ניו-יארקער אידישע קהלה האט אבגעהאלטען א קאנפערענץ, וועלכע האט באשלאסען צו רעארגאניזירען די קהלות אויף נייע דעמאקראטישע יסודות. אויף דער קאנפערענץ האט דער פארזיצער מיטגעטיילט, אז אין יאר 1917 האבען די ניו-יארקער אידען געגעבען 17600000 דאלאר פאר אידישע צוועקען. פאר די אויסלענדישע אידען האט דאס אידישע ניו-יארק געגעבען 20 מיליאן דאלאר. צוזאמען מאכט עס א סומע פון 40 מיליאן דאלאר, וועלכע שטייגט איבער דעם יאר-בודזשעט פון איינינע מלוכות, ווי בולגאריען און סערביען.

אידישער ליטעראטור-פאנד.

אין ניו-יארק איז געגרינדעט געווארען א קאמיטעט צו קלויבען א פאנד פאר די אידישע ליטעראטען אין איירופע.

בראש פונ'ם קאמיטעט שטעהן: שלום אש, אברהם רייזין, נחום סלושץ, דוד פינסקי, מאריץ ווינטשעווסקי א. א.

עס זיינען געזאמעלט געווארען באדייטענדע סומען פאר'ן פאנד.

ווייס-רוסלאנד.

אין פינסק.

אין דער צייט פון די מלחמה-יארען איז פון פינסק כמעט אינגאנצען א תל געווארען. פון 60 טויזענט איינוואוינער זיינען געבליבען ניט מער ווי 8—9 טויזענט. די פאליטישע און געזעלשאפטליכע טעטיגקייט איז זעהר שוואך. די אידישע פאליטישע ארגאניזאציעס האבען זיך פארנומען נאר מיט אויפהאלטען קורסען פאר דערוואקסענע שולען און ביבליאטעקען.

אין מינסק.

אין מינסק האט די דייטשע מאכט ארויסגעגעבען פאלגענדען באפעהל: „דעם נאטשאלניק פון מיליציע. זייט תיכף מודיע אלע מיליציע-ראיאנען, אז דאס פארהאלטען און מיט געוואלט ארויסשיקען פרויען איז ניט פארגעקומען. די קלאנגען וועגען אזעלכע מעשים זיינען מער ניט ווי א פראדוקט פון דער ביזוויליגער אידישער אגיטאציע, קעגען וועלכער מען מוז אננעמען די שטרענגסטע מיטלען. די שולדיגע תיכף ארעסטירען".

רומעניען.

פון סאראקי, בעסאראבער גוב., שרייבט מען:

מיט צוויי וואכען צוריק האט מען פונאנדערגעקלעפט מעלדונגען, אז אלע באפרייטע און זאפאסנע פון דער רוסישער ארמיי, וואס וואוינען אין שטאט און אויעזד, זאלען זיך ווענדען צום סאראקער וואינסקען נאטשאלניק. עס זיינען געקומען ארום דריי טויזענט מאן, מ'רוב מאלדאוואנער. א רומענישער אפיציר האט זיך צו זיי געווענדעט מיט א רעדע, אז זיי מוזען אלע אפגעבען זייערע מיליטערישע דאקומענטען, ווייל פון איצט אן רעכענען זיי זיך אלס זאפאסנע פון דער רומענישער ארמיי. די זאפאסנע און באפרייטע סאלדאטען האבען אבער ניט געוואלט אומבייטען זייערע דאקומענטען אויף רומעניש. דאמאלט האט מען דעם עולם ארומגערינגעלט מיט סאלדאטען באוואפענטע מיט ביקסען און קוילענווארפער און דער אפיציר האט געפאדערט, מען זאל ארויסגעבען די „אידן-אגיטאטארן". דער עולם האט געענטפערט, אז קיין שום „אידן-אגיטאטארן" זיינען ניטא. דאמאלס האט דער אפיציר געפאדערט, מען זאל ארויסגעבען די רוסישע

אגיטאטארן, אויף דעם האט מען ווידער געענטפערט, אז קיין שום אגיטאטארן זיינען ניטא, און כאטש כמעט אלע זיינען מאלדאוואנער ווילען זיי ניט אויסבייטען זייערע דאקומענטען אויף רומעניש. דער אפיציר האט באפוילען, מען זאל אפגעבען די דאקומענטען, אויב ניט וועט ער הייסען שיסען. די רומענישע סאלדאטען האבען אנגעשטעלט זייערע ביקסען אויפן המון. דאמאלס איז א טייל געצוואונגען געווען אפצוגעבען די דאקומענטען, די איבעריגע זיינען זיך צעלאפען.

ענגלאנד.

די עמיגראנטען-פראגע.

די ענגלישע רעגירונג האט איצט פעסט באשלאסען, ניטש קוקנדיג אויף קיינע פראטעסטען, דורכפירען דעם באשלוס וועגען צוציהען די אידען, וואס וואוינען אין ענגלאנד, צו דינען אין ענגלישען מיליטער.

ארץ ישראל.

די לאגע אין גליל און שומרון.

וועגען דער לאגע אין גליל און שומרון זיינען ערהאלטען געווארען איינינע נייע ידיעות.

דער יקרות וואקסט דארטען פון טאג צו טאג. די פרייזען פון די לעבענס-מיטעל זיינען אומגעהויער געשטיגען. ערגער ווי אומעטום איז די לאגע אין צפת און טבריה. עס איז דרינגענד נויטיג הילף. דער הילפס-קאמיטעט אין דמשק האט ארויסגעלאזט אנ'אויפרוף צו אלע היימלאזע-קאמיטעטען און צו די ועדים פון אלע אידישע אנשטאלטען, אין וועלכען עס ווערט געשילדערט די טרויעריגע לאגע און גערופען צו באלדיגער הילף, צום קאמף געגען דעם שרעקליכסטען הונגער.

דער דאזיגער אויפרוף איז אויך געווענדעט צו אונזערע ברידער אין חוץ-לארץ. נדבות דארף מען שיקען אדער אין יעדען ארטיגען ציוניסטישען קאמיטעט אדער דירעקט צום קאפענהאגענער ביורא פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, היסקענשטרעדע 10.

אידישער ארבעטער-קאנגרעס פאר פאלעסטינע.

פונ'ם 18 ביז 21 מאי איז אין ניו-יארק פארגעקומען א קאנגרעס פון אידישע ארבייטער-ארגאניזאציעס אין אמעריקע. דער סדר-היום פון קאנגרעס איז געווען פאלגענדער:

1) אונזער פראגראם פאר דער אויפבויאונג פון פאלעסטינע: א) די פראגע וועגען זעלבשטענדיגקייט; ב) פאליטישע ארגאניזאציאנס-פארם; ג) סאציאל-עקאנאמישע פראגראם; ד) ארגאניזירען די ארבייטס-ארמיי.

2) די טעטיגקייט פון די אלוועלטליכע אידישע ארגאניזאציעס אין פאלעסטינע און אונזער שטעלונג צו זיי; א) דער אידישער וועלט-קאנגרעס; ב) די ציוניסטישע ארגאניזאציע; ג) אידישע קאלאניזאציאנס-געזעלשאפט.

3) אידישער ארבייטער-וועלטקאנגרעס פאר פאלעסטינע.

4) די שטענדיגע טעטיגקייט פון אמעריקאניש-אידישען ארבייטער-קאנגרעס.

5) די אינטערנאציאנאלע ארבעטערשאפט און די פאלעסטינע-פאדערונגען.

6) פינאנץ-פראגען.

7) וואהלען פון א אויספיר-קאמיטעט.

ירושלים אין דער מלחמה צייט

ווי עס שילדערן מענשען, וואס זיינען ניט לאנג אנגעקומען פון ארץ-ישראל קיין פוילען איז דאס לעבען אין ירושלים פאר דער צייט פון די מלחמה-יארען ראדיקאל געענדערט געווארען. די שטאט האט זיך געביטען סיי אין איר אויסערליכען אויסזעהען, סיי אינ'ם לעבען פון אירע איינוואוינער. די גאסען זיינען אויסגעברוקירט געווארען און ווערען צוויימאל אין טאג באשפריצט מיט וואסער. אין אסך בערגיגע און משופע'דיגע גאסען זיינען געמאכט געווארען אויסגעצייכענטע טרעפ; פון אסך געסלאך זיינען אראבגענומען געווארען די שטיינערנע דעכער און זיי האבען באקומען לופט און זון. די הייזער און הויפען ווערען געהאלטען ריין. ניטש קוקענדיג אויפ'ן גרויסען נאפט-יקרות ווערען די גאסען באלויכטען מיט גרויסע לוקס-לאמפען.

די „סעראיע", ד. ה. דער מוניציפאליטעט מיט זיינע אנשטאלטען, געפינט זיך איצט אין א ספעציעל-אויסגעבויטען גרויסארטיגען בנין אין דעם נייעם שטאט-טייל.

איין זאך איז נאר פארבליבען ווי פריהער: די וואסער-פראגע. נאך אלץ מוז מען טרינקען א גאנץ יאר דאס רעגען-וואסער פון די רעזערוואארען.

אסך פון די ירושלימער איינוואוינער, וואס זיינען פריהער געווען לעדיגגעהער און געלעבט פון חלוקה, האבען זיך אויס נויט געמוזט נעמען צו פראדוקטיווער ארבעט. צוליב דעם אנגעקומענעם מיליטער איז געווארען א גרויסע נאכפראגע אויף געבעקס און הונדערטער פאמיליעס זיינען געווארען בעקערס און האבען דערביי ניט שלעכט פארדינט. אנדערע האבען זיך פארנומען מיט זייהען גרינס. דער רוב האט אנגעהויבען האנדלען מיט אלערליי לעבענס-פראדוקטען. דערמיט פארנעמען זיך די חשובסטע מענשען פון שטאט.

פון די געזעלשאפטליכע אנשטאלטען האבען דער עיקר געליטען די ישיבות און תלמוד-תורה'ס. פון די שולען האט זיך קיין איינע ניט פארמאכט.

אין תמוז 1916 איז אויף ארץ-ישראל אנגעפאלען א שרעקליכער היישעריק, וואס האט באדעקט די פעלדער אזוי ווי מיט א קאלדרע; דער היישעריק האט זיך געהאלטען דריי מעת-לעת נאכאנאנד. איינציגע היישעריקען זיינען געווען אזוי גרויס ווי קליינע טויבען. די באפעלקערונג האט זיך באוואפענט מיט שטעקענס און געהאלטען אין איין קלאפען די היישעריקען. איידער מען איז אריינגעגאנגען אין שטוב האט מען זיך געמוזט אבטרייסלען פון די היישעריקען.

אינטערעסאנט איז, וואס די היישעריקען האבען אויך געדינט אלס אַן עסענווארג און דוקא ביי אידען. די תימנ'ער און פערסישע אידען, וואס וואוינען אין ארץ-ישראל, האבען אויסגעפונען, אז געוויסע היישעריקען האבען אויפין בויך א צייכען, וואס זעהט אויס ווי א קרומער כף. און דאס, האבען זיי ערקלערט, באווייזט אז זיי זיינען כשר.

דער אידישער לעגיאן.

— צווישען די אפיצירען פונ'ם אידישען לעגיאן, וואס איז אנגעקומען קיין ארץ-ישראל, געפינט זיך איינער פון ערמאנד ראטשילדס זיהן — דזשעמס ראטשילד, וועלכער איז אריינגעטראטען אין לעגיאן פרייוויליג און אבגעפארען צוזאמען מיט וולאדימיר זשאבאטינסקי.

— אויך אין אמעריקא האט זיך אנגעהויבען א גרויסע לעגיאן-באוועגונג צווישען די דארטיגע אידען. טויזענדער יונגעלייט האבען זיך שוין פארשריבען און די ערשטע באטאליאנען זיינען שוין אנגעקומען קיין לאנדאן, פון וואנען זיי וועלען אבגעשיקט ווערען קיין ארץ ישראל. די לאנדאנער בלעטער מעלדען, אז די אידישע לעגיאנערען מאכען א גוטען איינדריק. ביים אנקומען קיין לאנדאן איז דער לעגיאן אפיציעל באגריסט געווארען דורך היופט-ראבינער פון ענגלאנד ד"ר הערץ.

אין די גרעסטע שטעט פון אמעריקא האבען זיך געעפענט ספעציעלע ביורא, וואו מען פארשרייבט זיך אין לעגיאן. הונדערטער מענשען ווארטען אויף דער נאס ביז זייער ריי וועט קומען. א סך אידישע מיידלעך בעטען מען זאל זיי מיטנעמען פאר עפעס אַן ארבייט אין ארץ-ישראל.

— פון קאהירא אין מען מודיע, אז דאס אנקומען פונ'ם אידישען לעגיאן האט אויפגערודערט די גאנצע אידישע באפעלקערונג. הונדערטער אידען — עלטערע און יונגערע — האבען זיך פארשריבען אין לעגיאן.

100 מיליאן דאלאר.

די ציוניסטישע ארגאניזאציע אין די פאראייניגטע שטאטען פון אמעריקא האט באשלאסען צו שאפען א פאנד פון 100 מיליאן דאלאר פאר דער קאלאניזאציע פון ארץ-ישראל נאך דער מלחמה. עס איז געגרינדעט געווארען א ספעציעלע „נאציאנאלע פינאנץ-קאמיסיע", וועלכע האט אנגעהויבען מאכען די נויטיגע הכנות פאר דער גראנדיעזער נאציאנאלער זאמלונג.

ארץ-ישראל.

די אידישע קאמיסיע, וואס איז אנגעקומען קיין ארץ-ישראל, עפענט אירע ביוראס אין ירושלים און יפו. די אידישע אוניווערזיטעט וועט געגרינדעט ווערען אויפ'ן הר הצופים.

די האלענדישע פרעסע וועגען ארץ-ישראל.

די האלענדישע פרעסע שרייבט וועגען ארץ-ישראל, אז די איבערלעבונג פון אידישען פאלק וועט זיין דער נצחון פון דער מלחמה, וואס האט געבראכט אזוי פיל ליידען. די אידען, — שרייבען די האלענדישע צייטונגען, — קאנען שאפען אין מזרח א מלוכה, וואס וועט דינען אלס מוסטער פאר דער גאנצער וועלט.

איטאליען און ציוניזם.

נ. סאקאלאוו טעלעגראפירט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. היינט איז אנגעקומען פאלגענדע דעפעשע פונ'ם איטאליענישען באטשאפטער:

„איך בין באפאלמעכטיגט פון באראן סאנינא, דעם אויסערן-מיניסטער פון זיין מאיעסטעט, מודיע צו זיין אייך, אז די רעגירונג פון זיין מאיעסטעט באשטעטיגט מיט פרייד די דעקלאראציע, וועלכע זי האט פארעפענטליכט דורך אירע פארשטעהער אין וואשינגטאן, סאלאניקי און האאג. די איטאליענישע רעגירונג וועט אנווענדען אלע קרעפטען, כדי צו פארגרינגערן די שאפונג פון א אידישען נאציאנאלען צענטער אין פאלעסטינא מיט דער באדינגונג, אז דאס דארף ניט ברענגען צו קיין באגרענצונגען אין דער רעכטליכער און פאליטישער לאגע פון די אידען אין אנדערע לענדער.

די ציוניסטישע באוועגונג.

צו אלע ציוניסטישע ארגאניזאציעס.

דאס צענטראל-ביורא פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אויף אוקראינע איז מודיע, אז עס ווערט איצט דורך אים אויסגעארבייט א רשימה פון די ציוניסטישע קאנדידאטען צו דער „צייטווייליגער אידישער נאציאנאלער פארזאמלונג" (פארשטעהערשאפט פון די קהלות). גלייך ווי דער רעקאנסטרואירטער נאציאנאל-ראט וועט אננעמען דעם געזעץ און די תקנות פון דער נאציאנאל-פארזאמלונג דארף די רשימה צוגעשטעלט ווערען אין הויפט-וואהל-ביורא.

אקטיווע וואהל-רעכט האבען נור די ראטמענער פון די קהלות; פאסיווע וואהל-רעכט (געוועהלט צו ווערען) האבען אויך ניט ראטמענער. גאנץ אוקראינע בילדעט איין וואהל-קרייז און די צעטלען פון די קאנדידאטען, וואס די פארטייען שטעלען ארויס, גילטען פאר גאנץ אוקראינע. די קאנדידאטען דארפען נאמינירט ווערען דורך דעם שטאט-קאמיטעט צוזאמען מיט דער ציוניסטישער פראקציע אין דער קהלה פון דער באטרעפענדער שטאט.

דאס צענטראל-ביורא בעט דעריבער אלע גרעסערע ציוניסטישע ארגאניזאציעס אויף די ערטער תיכף צו שיקען אין ביורא די נעמען פון די קאנדידאטען, וואס זיי האלטען פאר געוואונשען אריינצושטעלען אין דעם אלגעמיינעם פארטיי-צעטל. איטליכע ארגאניזאציע קאן אנרופען צוויי נעמען. ס'דארף אנגעוויזען ווערען גענוי די פאמיליע, דער נאמען און דעם פאטערס נאמען פונ'ם קאנדידאט, ווי אויך זיין עלטער, געזעלשאפטליכע אינסטיטוציע, אין וועלכער ער ארבייט, און אדרעס.

אלע בריף דארפען אדרעסירט ווערען:

Центральному Бюро Сіонистской Организаціи

Кіевъ, Мало-Житомірская 20, кв. 42.

פלענאר-זיצונג פון צ. ב.

דעם 24-27-טען איז אין קיעוו פארגעקומען א פלענארע זיצונג פון צענטראל-ביורא פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. אויסער דעם אויספיר-ביורא האבען זיך אין די זיצונגען באטייליגט די מיטגלידער פונ'ם מרכז, די פארטרעטער פון די ראיאנען און פון דער פראקציע צעירי ציון. עס זיינען אנגענומען געווארען א ריי וויכטיגע באשלוסען און עס איז קאנסטרואירט געווארען א צענטראל-ביורא. פרטים און רעזאלוציעס — אין קומענדען נומער.

די פלענארע זיצונג פונ'ם מרכז.

דעם 5-8 מאי זיינען אין מאסקווע פארגעקומען א זיצונג פונ'ם אלרוסלענדישען ציוניסטישען צענטראל-קאמיטעט אויף וועלכע עס זיינען אנגענומען געווארען פאלגענדע רעזאלוציעס.

1) דער פלענום באגריסט דעם צייטווייליגען אידישען נאציאנאל-ראט אין פעטראגראד אלס ערשטען שריט צו שאפען א אויטאריטעטען פארטרעטונגס-ארגאן פונ'ם רוסלענדישען אידענטום אויפן יסוד פון די רעזולטאטען פון די וואהלען צום אלרוסלענדישען אידישען צוזאמענפאר.

2) די ציוניסטישע פראקציע פונ'ם צייטווייליגען נאציאנאל-ראט דארף שטעלען די פראגע וועגען צונויפרופען א בעראטונג פון נאציאנאל-ראט מיט די דעלעגאטען פון אידישען צוזאמענפאר, וואס וואוינען אין מאסקווע און אנדערע פונקטען.

3) די ציוניסטען מוזען דורך די קהלות אדער ציוניסטישע ארגאנען נעמען אַן ענערגישען אנטייל אין דער ארבייט צוריק אומקערען אלע היימלאזע און איינארדנען זיי אויף זייערע אלטע ערטער.

4) בלייבענדיג אויך ווייטער אויף דער נייטראלער פאזיציע און באטראכטענדיג די ענגלישע דעקלאראציע אלס דעם ערשטען שריט צו דער אינטערנאציאנאלער אנערקענונג פון דער אידישער פאלעסטינע נעפינט דער פלענום, אז אין צוזאמענהאנג מיט'ן נאהענטען סוף פון דער מלחמה און מיט די שנויים, וואס זיינען פארגעקומען אין דער אינטערנאציאנאלער פאליטישער לאגע נאכדעם ווי רוסלאנד האט זיך אבגעזאגט פון דער מלחמה, מוזען די פארטיי-ארגאנען זיך באציהען מיט א באזונדערער אויפמערקזאמקייט דערצו, אז די ציוניסטישע פראבלעם זאל נעשטעלט און נעלעזט ווערען אין דעם אינטערנאציאנאלען מאסשטאב.

5) דער פלענום באשטעטיגט דעם באשלוס פונ'ם פאריגען פלענים פון 5 דעקאבר 1917 וועגען דעם אנטהייל פון 2 פארשטעהער פונ'ם מרכז (י. ראזאוו און מ. אלײניקאוו) אין דער ציוניסטישער דעלעגאציע קיין פאלעסטינא. דער פלענום דריקט אויס זיין ווינש די דאזיגע דעלעגאטען זאלען וואס גיכער אריספארען און אויב עס איז נאר מעגליך דורך סקאנדינאוויען.

6) דער פלענום האט מיט צופרידענהייט אויסגעהערט דעם באריכט וועגען דער טעטיגקייט פון דער פאלעסטינע-אבטהיילונג און וועגען זיין נאהענטסטער פראגראם, וואס איז זעהר וויכטיג פאר דער צוגרייטונג פון דער פאלעסטינע-ארבייט אין א ברייטען מלוכה-מאסשטאב. דער פלענום באגריסט אויך דעם אנטהייל פון די געניטע ספעציאליסטען אויף די פארשידענע נעביטען פון דער פאלעסטינע-ארבייט.

7) אזוי ווי דער נאציאנאל-פאנד איז דער וויכטיגסטער אינסטיטוט, וואס קאן פארוואנדלען די ערד פון פאלעסטינע אין אייגענטום פונ'ם אידישען פאלק, און אזוי ווי די פארשידענע ארגאנען פון נאציאנאל-פאנד האבען ביז איצט ניט געארבייט ווי עס פאדערן זיינע אויפגאבען, באשליסט דער פלענום פארצולעגען דעם מרכז, ער זאל פארפאלקאמען די ארגאניזאציע פונ'ם היפט-ביורא פון נאציאנאל-פאנד אין רוסלאנד און אויסזוכען די מיטלען ווי אזוי צוציהען גרויסע קאפיטאלען אין נצ"פ כדי ער זאל קאנען אנטוויקלען א ברייטע און ענערגישע טעטיגקייט.

8) דער פלענום באשליסט, אז אלע פריוואטע אונטערנעמונגען מוזען אנערקענען דעם פרינציפ, אז קויפען און פארקויפען ערד אין פאלעסטינא קאן מען בלויז דורך דעם קאלאניזאציאנס-ארגאן פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

9) דער פלענום באשליסט, אז אלע ארגאנען פון דער ציוניסטישער פארטיי מוזען ענערגיש קעמפען נעגען דער ערד-ספעקולאציע. אין פאלעסטינא

10) דער מרכז מוז אכטונג געבען אויף דער טעטיגקייט פון אלע פריוואטע אונטערנעמונגען און געזעלשאפטען, וואס זיינען פארבונדען מיט דער פאלעסטינע-ארבייט און קעמפען נעגען יענע פון זיי, וועלכע ער אנערקענט אלס שעדליכע פאר דער קאלאניזאציע פון פאלעסטינע.

11) דער פלענום נעפינט פאר נייטיג צונויפרופען אין גיכען א ספעציעלע בעראטונג וועגען דער ארגאניזאציע פון „החלוץ". די פאלעסטינע-אבטהיילונג ביים מרכז ווערט באפולמעכטיגט צונויפרופען די דאזיגע בעראטונג.

12) דער פלענים לעגט פאר דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון ווייסרוסלאנד און אוקראינע, זיי זאלען ניט צונויפרופען קיין אלגעמיינע צוזאמענפארען און בענוגענען זיך בלויז מיט קאנפערענצען.

13) אויפ'ן פאל אויב עס וועלען איבערגעריסען ווערען די פארבינדונגען צווישען פעטראגראד און די איבעריגע פונקטען פון גרויס-רוסלאנד גיט דער מרכז איבער זיינע פולמאכטען די מיטגלידער פון אקציאנס-קאמיטעט און פון מרכז, וואס וואוינען אין מאסקווע.

א קאנפערענץ פון די שולען אין לאנדאן.

דער צענטראל-קאמיטעט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע האט באקומען פון לאנדאן פאלגענדע דעפעשע.

אינטער דעם פארזיץ פון ה' לאנדוי איז אין לאנדאן פארגעקומען דעם 12-טען מאי א קאנפערענץ, אין וועלכער ס'האבען זיך באטייליגט 70 פארשטעהער פון אלע שולען און בתי מדרשים מיט רעדעס זיינען ארויסגעטראטען: נ. סאקאלאוו, ר. בוך, וועלכער האט געוויזען אין יפו, ד. דייטש און אנדערע.

די קאנפערענץ האט מיט גרויס באגייסטערונג אנגענומען פאלגענדע רעזאלוציע:

„די קאנפערענץ פון די שולען-פארשטעהער זאגט ארויס איהר אלזייטיגע שטיצע דעם ציוניסטישען פארבארייטונגס-פאנד, כדי צו געבען די מעגליכקייט דער ציוניסטישער קאמיסיע, וואס נעפינט זיך איצט אין פאלעסטינא, צו ערפילען די אויפגאבען וועלכע ס'האט איר געשטעלט די רעגירונג פון זיין מאיעסטעט, צוליב דעם דאזיגען צוועק זיינען גאראנטירט געווארען גרויסע סומען געלט. ס'איז באשלאסען געווארען אויסנוצען שביעית פאר געלט-זאמלונגען לטובת דעם דאזיגען פאנד איבערן גאנצען לאנד".

אידישער נאציאנאל-פאנד.

די הכנסות פונ'ם אידישען נאציאנאל-פאנד פאר'ן חודש מארט 1918 באטרעפען 302066 פראנק. אין דער דאזיגער סומע באטייליגען זיך פאלגענדע לענדער: רוסלאנד—131506 רובל, עסטרייך—57443 קראנען, פוילען און ליטא: דער טייל, וואס איז פארנומען דורך די דייטשען — 28863 מארק, דער טייל, וואס איז פארנומען דורך די עסטרייכער—6342 קראן. דייטשלאנד — 20823 מארק, צפון-אמעריקא — 3710 דאלאר, דרום-סלאווישע לענדער — 4940 קראן, איטאליען — 4605 לירעס, שווייץ — 4550 פר., האלאנד — 1924 פל., שוועדען — 964 קראן, פראנקרייך — 1111 פר., נארוועגען — 204 קראן.

דער ציוניזם אין דייטשלאנד.

די צייטונג „סאבאלא דיטאליא" ברענגט די ידיעה, אז די איטאליענישע רעגירונג האט געשיקט א בריף צום פרעזידענט פונ'ם אידישען קאמיטעט אין לאנדאן נחום סאקאלאוו, אין וועלכען עס ווערט ערקלערט די גרייטקייט פון איטאליען צו מיטהעלפען ביים שאפען א אידישען נאציאנאלען צענטער אין פאלעסטינע. דאריוף שרייבט די „פאסישע צייטונג": איטאליען טוט נאך די בייטשפילען פון ענגלאנד, פראנקרייך און אמעריקע, כדי צו געווינען די סימפאטיעס פונ'ם אידענטום ביים פארווירקליכען די פלענער אין אזיען. ווי באוואוסט, האט דייטשלאנד ערקלערט, אז זי איז גרייט צו שטיצען די ציוניסטישע שטרעבונגען. ווי ווייט מען אינטערעסירט זיך אין די דייטשע קרייזען מיט דער פאלעסטינע-פראבלעם און מען אנערקענט איר וויכטיגקייט איז צו זעהן פון דעם, וואס ניט לאנג איז געגרינדעט געווארען א ספעציעלער קאמיטעט פאר פאלעסטינע.

גריכענלאנד.

אין סאלאניקי איז פארגעקומען א שקל-טאג אין וועלכען עס זיינען פארקויפט געווארען העכער ווי צוויי טויזענט שקלים. אויף א גרויסען מיטינג איז צוגעזאמעלט געווארען 4000 פראנק פאר דער קאלאניע אויף טשלענאוו'ס נאמען.

די ציוניסטישע פאראיינען פון גריכענלאנד האבען זיך פאראייניגט אלע צוזאמען און געבילדעט א פעדעראציע מיט אשר מאללא אלס פרעזידענט בראש.

ד"ר אברהם ראבינזאן.

פון בערלין איז אנגעקומען די ידיעה, אז פלוצים איז אין עלטער פון 41 יאר געשטארבען דער ד"ר אברהם ראבינזאן, דער אמאליגער פריוואט-סעקרעטאר און בעסטער פריינד פון דוד וואלפזאהן און באקאנטער העברעאישער שריפטשטעלער.

יהושע אייזענשטאט (ברזילי).

פון ושענעווע איז אנגעקומען א טרויעריגע ידיעה, אז דארטען איז נאך א לאנגער קראנקהייט געשטארבען איינער פון די באקאנטע עלטערע העברעאישע שרייבער אין פאלעסטינא, דער ציוניסטישער טוער יהושע אייזענשטאט (ברזילי). דער פארשטארבענער חבר איז איינער פון די בילויער, וועלכע זיינען אין די אכציגער יארען איבערגעוואנדערט קיין ארץ-ישראל. 30 יאר נאכאנאנד האט אייזענשטאט געארבייט אין פאלעסטינא, מיטהעלפענדיג בויען דעם ישוב. ס'איז נים נעוועזען קיין איין קולטורעלע אונטערנעמונג, אין וועלכער ברזילי זאל ניט נעמען קיין אנטייל.

די טערקישע אבזוריות ביים אויסברוך פון מלחמה האבען פאטריבען אייזענשטאט'ן פון ארץ-ישראל. ער איז ארויסגעשיקט געווארען קיין אויסלאנד. אייזענשטאט האט זיך באזעצט אין שווייץ (ושענעווע), וואו ער איז געשטארבען פון קרעבס-קראנקהייט אין עלטער פון 60 יאר.

צווישען אנדערע פעלקער.

טערקיי און ארמעניע.

פון ניקאלאיעוו מעלדעט מען, אז טערקיי און טרמעניע פירען אונטערהאנדלונגען מכח דער פראגע וועגען דעם אבטיילען זיך פון קאווקאז און א זעלבשטענדיגע מלוכה.

עסטלאנד און ליפלאנד.

לעצטענס, איז ענדגילטיג באשלאסען געווארען דער גורל פון עסטלאנד און ליפלאנד. די דייטשע רעגירונג וועט די טעג אפיציעל מיטטיילען דער רוסישער, אז אויפ'ן סמך פון די באשלוסען, וואס זיינען אנגענומען געווארען דורך די פאראייניגטע לאנדסטראטען, ווערען די פראווינצען עסטלאנד און ליפלאנד איינגאנצען אבגעריסען פון רוסלאנד.

דער גורל פון ליטא.

דער גורל פון ליטא איז נאך גיט באשטימט. די זאקסישע רעגירונג שטעלט ארויס די קאנדידאטור פון אירען א פרינץ פאר ליטא'ס הערשער, אבער דאס לאנד זאגט זיך שארף ארויס געגען יעדער פרינצען קאנדידאטור.

די אירלענדישע פראגע.

די רעדע פונ'ם ענגלישען ארבעט-מיניסטער בארנעס, וועלכער האט זיך ארויסגעזאגט פאר איינפירען די פעדעראטיווע סיסטעם פאר דער גאנצער ענגלישער מלוכה, האט צוגעצויגען אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט. אויך טשעמבערלען האט ערקלערט, אז ער איז נישט מסכים

מיט דער שטעלונג פון די קאָנסערוואַטאָרען טיילווייז, ווייל הינטער זיי שטעהט ניט די מערהייט פונ'ם פאָלק און טיילווייז ווייל די וועלט האָט זיך געענדערט און די גרונט-הנחות פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאָליטיק זיינען שוין פאַרעלטערט. אין דער אירלענדישער פראַגע האָט מען זיך צו רעכענען מיט א גאַנצער נעץ פון מיינונג-פאַרשידענהייטען און אינטערעסען-קעגענזאַצען. דעריבער מוז די רעגירונג געווינען צייט כדי צוצוגרייטען א פּלאַן, וואָס זאָל ברענגען אין איינשטימונג די פאַרשיידענע פּונקטען.

טשעמבערלען גלויבט, אז דער רעגירונג וועט געלינגען צו פאַרעפּטערן ניט נור די פראַגע וועגען דער אירלענדישער פּאָליטיק, נאָר אויך די איבעריגע פראַגען, כדי צו מאַכען א סוף צו דעם לאַנגען קאַמף צווישען איר־לענדישען פאָלק און ענגלאַנד. טשעמבערלען גלויבט, אז די גאַנצע רעגירונג-מאַשין וועט זיך געפינען אין א סכנה, אויב עס וועלען נישט געפינען ווערען די מיטלען צו באַפרידיגען די וואונשען פון אירלאַנד וועגען אייגענאַרטיגער געזעצגעבונג, און די עהנליכע וואונשען פון די איבעריגע טיילען פון דער בריטישער מלוכה.

קרימער רעגירונג.

אינ'ם טאַטערישען נאַציאָנאַלען פּאַרלאַמענט אין סימפעראָפּאָל האָט מען צוגעשטעלט א פּראָיעקט פון דער קרימער רעגירונג, וואָס זיינע גרינט כללים זיינען פאָלגענדע: 1) די רעגירונג וועט געשאַפען אויף קאָאַליציע יסודות מיט'ן אַנטייל פון באַשטימטע פעלקערשאַפטען; 2) דער טאַטערישער פּאַרלאַמענט ערקלערט זיך אַלס געגענט-פּאַרלאַמענט און נעמט אָן מיטלען צו דערגענצען זיין צוזאַמענשטעל מיט פאָרשטעהער פון אַנדערע פעלקערשאַפטען דורך ריכטיגע געזעצליכע וואַלען; און זיין נייעם צוזאַמענשטעל וועט דער פּאַרלאַמענט זיין א געגענט-פּאַרלאַמענט; 3) דער ראש פון דער רעגירונג ווערט אויסגעקליבען דורכ'ן פּאַרלאַמענט. דער מיניסטאָרען-ראַט, וואָס ווערט פון איהם צוזאַמענגעשטעלט, באַקומט די באַשטעטיגונג פונ'ם פּאַרלאַמענט; 4) ביז עס וועט זיין דער אַלגעמיינער פּאַרלאַמענט, איז די רעגירונג פאַראַנטוואָרטליך פאַר'ן טאַטערישען פּאַרלאַמענט; 5) די אָפיציעלע שפּראַכען פון דער רעגירונג זיינען רוסיש און טאַטעריש; 6) די פאָן פון דער רעגירונג איז א העלבלויע; 7) די רעגירונג באַשטעהט פון א פּרעמיער מיט 5 מיניסטאָרען אָדער דירעקטאָרען.

דער לינקער פליגעל פונ'ם פּאַרלאַמענט האָט אויך אַריינגעטראָגען א פּראָיעקט פון א רעגירונג. לויט זייער שטאַנדפּונקט דאַרף געשאַפען ווערען א מאַכט אויפ'ן באָדען, אז אַלע נאַציאָנאַליטעטען זאָלען זיך פריהער צוזאַמענרעדען.

ביידע פּראָעקטען וועלען אין די נאָהענטסטע טעג באַטראַכט ווערען.

פעלקער-יום-טוב.

פון ניו-יאָרק מיילט מען מיט, אז דער פּרעזידענט ווילסאָן האָט בדעה פאַרוואַנדלען דעם אַמעריקאַנישען נאַציאָנאַלען יום-טוב פון 4 יולי אין א יום-טוב פון אַלע פעלקער. אינ'ם יום-טוב דאַרפען נעמען אַנטייל די פּאָליאַקען, טשעכען, עלזאַסער און סלאַוויאַנער און דערביי אַרויסשטעלען זייערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען.

קראַקוי פאַרנומען דורך די פּאָליאַקען.

פון ווין איז אָנגעקומען א ידיעה, אז קראַקוי איז פאַרנומען געוואָרען דורך די פּוילישע לעגיאָנען. פריהער איז אַרום דער שטאָט פאָרגעקומען א שלאַכט. די פּוילישע לעגיאָנען גרייטען זיך צו געהן ווייטער איבער'ן לאַנד.

אין רוסישען נאַציאָנאַלראַט.

אויף דער לעצטער זיצונג האָט דער רוסישער נאַציאָנאַל-ראַט אָנגענומען א רעזאָלוציע, וועלכע פאָדערט פאַר דער רוסישער שפּראַך גלייכע רעכט מיט דער אוקראַינישער, פאַרבייטען אומעטום דעם טערמין „גרויסרוס" דורכ'ן וואָרט „רוסישער" און ווירקליך דורכפירען גלייכהייט פון אַלע בירגער פאַר'ן געזעץ.

עס ווערט אויך אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אז דער צענטראַלער אָרגאַן פון נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג פונ'ם רוסישען פאָלק אין אוקראַינע דאַרף אויך בלייבען אויף ווייטער און בראש פון איהם דאַרף שטעהן א פּערזאָן, וואָס אין פּאָליטיש פאַראַנטוואָרטליך פאַר איהם, געהט אָבער ניט אַריין אין מיניסטאָרען-קאַבינעט.

* * *

אַווטאָנאָמיע פאַר אינדיען.

דער נאַציאָנאַלער ראַט פון אינדיען האָט אָנגענומען א באַשלוס צו שטיצען ענגלאַנד און שיקען נאָך סאָלדאַטען נאָר בתנאי, אז אינדיען זאָל באַקומען אַווטאָנאָמיע. כדי ניט פאַרלירען די הילף פון דער אינדישער אַרמיי וועט ענגלאַנד מוזען איינגעהן אויף געוויסע הנחות.

וועגען באַלטישען קאַנט.

פאַרטרעטער פון די באַלטישע פּראָווינצען האָבען באַזוכט אין בערלין דעם פאָרשטעהער פון דער ראַטען-רעפּובליק יאָפּפע און פאָרגעשטעלט א נאָטע, אין וועלכער עס ווערט ערקלערט, אז עסטלאַנד און ליפלאַנד ווערען אין הסכם מיט'ן ווילען פון דער באַפעלקערונג, וואָס איז ניט איינמאָל אַרויסגעוויזען געוואָרען, אינגאַנצען אָבגעטיילט פון רוסלאַנד און ערקלערט פאַר זעלבשטענדיג. יאָפּפע האָט ערקלערט, אז ער קאָן ניט אָננעמען די דאָזיגע נאָטע און פאָרגעלעגט זיך וועגען גלייך קיין מאָסקווע אָדער איבערגעבען זי דורכ'ן דייטשען אויסערן-מיניסטעריום.

די דעלעגאַציע האָט זיך דאַן געווענדעט צום רייכס-קאַנצלער, וועלכער האָט איינגעשטימט אויף דער פאַרמיטלונג פון אויסערן-מיניסטעריום צו איבערשיקען די דערמאַנטע נאָטע קיין מאָסקווע.

חשבון פון די סומען,

וועלכע זיינען אָנגעקומען אין קיעווער געגענד-ביוראָ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון א' ניסן ביז כ' סיון התרע"ח.

פאַר'ן נאַציאָנאַל-פאָנד.

סמעלא, קיעוו. ג.	384 ר.	75 ק.
רוזשין " "	271 "	—
קאַגאַרליק "	117 "	40 "
פּאַוואָלאַטש "	106 "	—
ליניעץ "	76 "	79 "
בויבעריק " "	100 "	—
זוינאַגראַד " "	16 "	80 "
קיעוו "	1687 "	73 "
קאַפּייגאַראָד פּאָד. ג.	189 "	94 "
מוראַוו-קוריל. " "	300 "	—
סמאָטריטש " "	121 "	—
יאַלטושקאָוו " "	127 "	—
מינקאָוויצי " "	129 "	—
ניי-סיניאַוואַ " "	100 "	—
מיאַסטקאָווקאַ " "	16 "	—
פּיליאַוואַ "	50 "	—
ליאַחאָוויצי, וואָל. ג.	154 "	75 "
זדאָלבונאָוו " "	4 "	5 "
בעלאַיאָערקאַ " "	60 "	—
וואָלאָטשיסק " " אויף די תנאים פון בתיה גרינהויז און אריה באַראַבאַש " "	500 ר.	—
נאָווגראַד-וואָהל. " "	96 "	—
טשודנאָוו " "	649 "	—
קראַסילאָוו " "	200 "	—
בעלאָהאָראָדקאַ "	123 "	—
ניק.סלאָבאָדקאַ טשער.ג.	150 "	—
איטשניאַ " "	145 "	—
ח. גוטמאַן פון זשנאַראָווקאַ (פּאָלט.) אויף א ליטער. אָוו.	52 "	—
ח. בעלילאָווקאַ דורך די שליפער פון קיעוו	25 "	—
י. גאָלדמאַן אין קיעוו (פון א געוועט).	10 "	—
ס"ה	5962 ר.	23 ק.

פאַר'ן הערצלס וואַלד. אויפ'ן נאָמען:

כ.-טשאַרטאָריע וואָל. ג.	דער אָרגאַניזאַציע	5 ביימער	45 "
זדאָלבונאָוו "	"	11 "	99 "
טשודנאָוו "	ש. ראָזענפעלד	13 "	117 "
"	חנה שטאַרקמאַן	1 "	9 "
נאָוואָגראַד-וואָלינסק	אריה-ליב פינעס	7 "	63 "
סמעלא קיעוו. ג.	י. ע. און ש. וויסקי	1 "	9 "
"	יוסף בן ברוך שפּירא	6 "	54 "
"	י. און ש. קראַסניאַנסקי	14 "	126 "
"	מ. ב"ץ פעלדשטיין	1 "	9 "
פּאַוואָלאַטש "	שלום עליכם	6 "	64 "
רוזשין "	י. און ש. גרונבערג	4 "	36 "
איטשניאַ טשער. גוב.	י. ב"ז פּאָלאַנסקי	4 "	36 "
"	מרגליה פין	1 "	6
"	שמשון חיים פין	1 "	9 "
סמאָטריטש פּאָד. ג.	מענדעלע מוכר ספרים	3 "	27 "
"	ד"ר מש ענאיו	3 "	27 "
"	י. ל. קאַצענעלסאָן	3 "	27 "
"	שלום עליכם	3 "	27 "
"	ד"ר קלויזנער	1 "	9 "
"	מנחם העלטמאַן	1 "	9 "
"	ישראל סערעברעניק	1 "	9 "
"	ליביש פייגענבוים	1 "	9 "
ס"ה		61 ביימער	819 ר.

אינ'ם גאָלדענעם בוך.

טשודנאָוו-וואָלינסק צופאַרשרייבען	מענדעלע מוכר ספרים	300 רובל.
קיעוו צופאַרשרייבען	ב. גאָלדבערג " "	200 "
ס"ה		500 רובל.

פאַר'ן פאָנד צוגרינדען א קאָלאָניע אין א"י אויף ד"ר טשלענאָוו'ס נאָמען.

יראָוו פּאָדאָלער גוב.

פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע	1540 רובל 43 קאָפּ.
ס"ה	1540 רובל 43 קאָפּ.

פאַרטיי-שטייער.

קיטעניץ, וואָל. גוב.	165 רובל	— ק.
בעלאָגאָראָדקאַ "	38 "	50 "
ווישגאָראָדאָק "	148 "	50 "
זדאָלבונאָוו "	130 "	90 "
קיטייגאָראָד פּאָד. גוב.	90 "	50 "
מאָראָוו. קאָרילאָווצי פּאָד. ג.	130 "	90 "
סמעלא קיעוו. גוב.	244 "	13 "
	72 "	10 "
ס"ה	1020 רובל	51 ק.

שקלים-געלט.

שדה-לבן קיעוו. גוב.	368 רובל	— ק.
ליניעץ "	36 "	— "
בויבעריק "	44 "	— "
סמאָטריטש פּאָד. גוב.	300 "	— "
אָסטראָפּאָל וואָל. גוב.	50 "	— "
ס"ה	798 "	— "

פאַר די געליטענע אידען אין פּוילען און אין ליטא.

יאַלטושקאָוו פּאָדאָלער גובערניע	22 רובל	25 קאָפּ.
שדה-לבן קיעווער "	30 "	— "
ס"ה	52 רובל	25 קאָפּ.

דער קיעווער געגענד-קאָמיטעט פאָדערט דרינגענד פון אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס (קיעווער, פּאָדאָלער, וואָלינער און טשערניגאָווער גובערניעס) תיכף איבערשיקען אַלע געלטען, וואָס געפינען זיך ביי זיי אויף פאָלגענדען אַדרעס:

Кіевское Областное Бюро Сіонистской Организаціи Мало-Житомирская 20 кв. 49.

רעדאַקטאָר מ. גראָסמאַן.
אַרויסגעבער י. כהנ'אָוו.

אויף דער וואַך

ארגאַן פון ציוניסטישען געדאַנק

„ДЕРЪ ТЕЛЕГРАФЪ"
„ОЙФЪ ДЕРЪ ВАХЪ"
КIЕВЪ,
Б.-Васильковская 72.

ערשיינט
וועכענטליך.
№ 7.

פרייז 85 קאָפּ.
אויף די וואָקזאַלען 90 ק.
דער פרייז פאַר מודעות: א שורה—75 ק.
די רעדאקציע איז אפען פון 11 ביז 1.

פרייטאג, 14 יוני 1918 — קיעוו. — ד׳ תמוז, התרע״ח.

אינהאלט:

זייער פאַרברעכען; מ. הינדעס: דער נצחון פונ׳ם נאַציאָנאַלען באַוואוסטזיין; מ. גראָסמאַן: א פריהצייטיגער שרעק (2); ד״ר שמריה לעווין: העברעאישע קולטור-ארבייט אין אמעריקא; ב. גאָטעסמאַן: פאַרבראַנירטע פעדאַגאָגיק; ש. האָטעלסקי: דאָס פאָלק און „זיי"; י. רוטבערג: אין א באַזונדער ווינקעלע; ל. אַלין: פון דער פינסטערער פאַרגאַנגענהייט; דער קריזיס פון דער אידישער אַוטאָנאָמיע; דאָס אידישע לעבען אויף אוקראַינע; אין די נייע קהלות; אין דער אידישער וועלט; ארץ-ישראל; די ציוניסטישע באַוועגונג; צווישען אנדערע פעלקער; דין וחשבון פונ׳ם נעגענדם-ביורא.

זייער פארברעכען.

קיעוו, דעם 12 יוני

סקעפּטיקער, וואָס האָבען גוט געקענט די געשיכטע פונ׳ם אידישען פּאָליטישען קאמף אויף אוקראינע, האָבען ערנסט געוואָרענט: עס וועט דערפון גאָרנישט ארויסקומען, אלע אונזערע ערליכסטע און אויפריכטיגסטע כונות וועלען זיך סיי-ווי צושלאגען אָן דער עקשנות׳דיגער פארביסענקייט און אונפאראנטוואָרטליכקייט פון יענע פארטייען, וועלכע האָבען זיך דער רע״אָליוציע פארכאפּט—מיט דער הילף פון דעם אוקראינישען שטיק—די מאכט אין זייערע הענד, געשאפען זיך ביים מיניסטעריום א היימישען נאציאָנאל-ראט און אוזורפּאטאָריש אליינהערשענד באשטימט דעם גורל און לעבענס-שטייגער פון דעם אידישען פאָלק. און דאָך האָט זיך געוואָלט גלויבען, אז אָנגעלערענטע דורך דער מפלה פון דער רוסישער רעוואָליוציע, שטעהענדיג פאר׳ן תהום פון דער איבערקערעניש, וועט דער אנטיציוניסטישער בלאָק סוף-כל-סוף דאָך איינזעהען זיינע ביזאיצטיגע פעהלער און וועט זיך אַבזאגען פון דעם וועג, וועלכער איז באפלעקט מיט באגרענצונגען און שטיצע אויף דער פרעמדער מאכט. און אין דעם פּראצעס פון געמיינזאמער ארבייט וועט אפשר געשאפען ווערען אן אטמאָספערע פון געגענזייטיגען פארטרויען און פארשטעהען, געשטארקט דורכ׳ן ווילען צו רעכענען זיך מיט יענע אָביעקטיווע וואהל-פאקטען, אין וועלכע עס האט זיך אויסגעדריקט די מיינונג פונ׳ם רוב אידישער באפעלקערונג.

אָבער שוין פונ׳ם ערשטען מאָמענט אָן האָט זיך אָנגעהויבען דער באַוואוסטזיניגער סאבאטאזש; פון דער ערשטער רגע אָן האָט זיך מאניפעסטירט דער וואונש צו דריקען די אנדערע העלפט פונ׳ם רעקאָנסטרואירטען נאציאָנאל-ראט, אויפצווינגען איר אייגענע מיינונגען, שמעלען זי פאר געשהענע פאקטען, צוימען און בינדען זי, אז זי זאָל זיך ניט קענען רירען, פארוואנדלענדיג זי אין א גרופּע סטאטיסטען, וואס זיינען ביכולת עמוואס צו רעפארמירען בלויז מיט׳ן חסד פון די אמאליגע בעלי-בתים, וועלכע האבען זיך צו דעם צוועק געשאפען די בארימטע „קאנסטיטוציאנעלע פונקטען". א פאלכיפיצירטער נאציאנאל-ראט „ביים מיניסטעריום" האט פארזוכט דורך די דאזיגע פונקטען צו דיקטירען: זיין ווילען א אינסטיטוציע, וועלכע איז לכל הפחות מער בארעכטיגט — הגם אויך ניט איננאנצען—צו טראגען דעם דאזיגען נאמען.

און ווייטער: אנשטאט צו אנערקענען אפען און ערליך, אז די רעקאָנסטרוקציע איז א רעזולטאט

אויף דער וואַך

ארגאַן פון ציוניסטישען געדאנק

פרייז 85 קאָפּ.
אויף די וואַקזאַלען 90 ק.
דער פרייז פאר מודעות: א שורה—75 ק.
די רעדאקציע איז אפען פון 11 ביז 1.

ערשיינט
וועכענטליך.
№ 7.

„ДЕРЪ ТЕЛЕГРАФЪ“
„ОЙФЪ ДЕРЪ ВАХЪ“
KIEBЪ,
Б.-Васильковская 72.

פרייטאג, 14 יוני 1918 קיעוו. ד׳ תמוז, התרע״ח.

אינהאַלט: זייער פארברעכען; מ. הינדעס: דער נצחון פונ׳ם נאַציאָנאַלען באוואוסטזיין; מ. גראָססמאַן: א פריהצייטיגער שרעק (2); ד״ר שמריה לעווין: העברעאישע קולטור-ארבייט אין אמעריקא; ב. נאָטעסמאַן: פארבראַנירטע פעדאַגאָגיק; ש. האָמעלסקי: דאָס פאָלק און „זיי״; י. רוזענבערג: אין א באזונדער ווינקעלע; ל. אַלין: פון דער פינסטערער פארגאנגענהייט; דער קריזיס פון דער אידישער אַווטאָנאָמיע; דאָס אידישע לעבען אויף אוקראַינע; אין די נייע קהלות; אין דער אידישער וועלט; ארץ-ישראל; די ציוניסטישע באַוועגונג; צווישען אנדערע פעלקער; דין וחשבון פונ׳ם געגענדס-ביוראָ.

זייער פארברעכען.

קיעוו, דעם 12 יוני

סקעפטיקער, וואָס האָבען גוט געקענט די געשיכטע פונ׳ם אידישען פאָליטישען קאמף אויף אוקראינע, האָבען ערנסט געוואָרענט: עס וועט דערפון נאָרנישט ארויסקומען, אלע אונזערע ערליכסטע און אויפריכטיגסטע כונות וועלען זיך סיי-ווי צושלאָגען אָן דער עקשנות׳דיגער פארביסענקייט און אונפאראנטוואָרטליכקייט פון יענע פארטייען, וועלכע האָבען זייט דער רע״אָליוציע פארכאפט—מיט דער הילף פון דעם אוקראינישען שטיק—די מאכט אין זייערע הענד, געשאפען זיך ביים מיניסטעריום א היימישען נאציאָנאל-ראט און אוזורפאטאָריש אליינערשענד באשטימט דעם גורל און לעבענס-שטייגער פון דעם אידישען פאָלק. און דאָך האָט זיך געוואָלט גלויבען, אַז אָנגעלערענטע דורך דער מפלה פון דער רוסישער רעוואָלוציע, שטעהענדיג פאר׳ן תהום פון דער איבערקערעניש, וועט דער אנטיציוניסטישער בלאָק סוף-כל-סוף דאָך איינזעהען זיינע ביזאיצטיגע פעהלער און וועט זיך אַבזאגען פון דעם וועג, וועלכער איז באפלעקט מיט באגרענצונגען און שטיצע אויף דער פרעמדער מאכט. און אין דעם פראצעס פון געמיינזאמער ארבייט וועט אפשר געשאפען ווערען אַנ׳אַטמאָספערע פון געגענזייטיגען פארטרויען און פארשטעהען, געשמאַרקט דורכ׳ן ווילען צו רעכענען זיך מיט יענע אָביעקטיווע וואהל-פאַקטען, אין וועלכע עס האט זיך אויסגעדריקט די מיינונג פונ׳ם רוב אידישער באפעלקערונג.

אָבער שוין פונ׳ם ערשטען מאָמענט אָן האָט זיך אָנגעהויבען דער באוואוסטזיניגער סאבאטאזש; פון דער ערשטער רגע אָן האָט זיך מאניפעסטירט דער וואונש צו דריקען די אנדערע העלפט פונ׳ם רעקאָנסטרואירטען נאציאָנאל-ראט, אויפצווינגען איר אייגענע מיינונגען, שטעלען זי פאר געשהענע פאקטען, צוימען און בינדען זי, אז זי זאָל זיך ניט קענען רירען, פארוואנדלענדיג זי אין א גרופע כמאטיסטען, וואס זיינען ביכולת עטוואס צו רעפארמירען בלויז מיט׳ן חסד פון די אמאליגע בעלי-בה״ס, וועלכע האבען זיך צו דעם צוועק געשאפען די בארימטע „קאנסטיטוציאנעלע פונקטען“. א פאלכיפיצירטער נאציאנאל-ראט „ביים מיניסטעריום“ האט פארזוכט דורך די דאזיגע פונקטען צו דיקטירען זיין ווילען א אינסטיטוציע, וועלכע איז לכל הפחות מער בארעכטיגט — הגם אויך ניט איננאנצען—צו טראגען דעם דאזיגען נאמען.

און ווייטער: אנשטאט צו אנערקענען אפען און ערליך, אז די רעקאָנסטרוקציע איז א רעזולטאט

פון אַנ׳אויסינלײַך, בײַ װעלכען די ציוניסטען זײַנען געגאַנגען אױף די גרעסטע קרבנות, אַנשטאַט צו אָנערקענען דעם ביטערען אמת, אַז די כּחות־פאַר־האַלטענישען אַנשפּרעכען די ציוניסטישע פאָדערונגען, װעלכע שטעהען אין קײן שום פאַרבינדונג ניט מיט די צײַטליכע געשעהענישען; פונ׳ם אויסערען פּאָליטישען לעבען—האָט מען גלײַך אַרומגערינגעלט די נײַע העלפט פון נאַציאָנאַל־ראַט מיט חשד, געשטעמפּעלט זי אַלס רעאַקציע און קאָנטער־רעװאָלוציע (אַ משונה׳דיגע זאַך: װעלכע מ׳האָט אַלײן באַגעגנט צו װערען צװישען זיך!) און אַזױ װײַטער, שאַפענ׳דיג קינסטליך כּסדר אַן אַטמאָספערע פון האַס און שנאה.

אײניגע פּאַרטײען פאַרבאָרגען, די אַנדערע, װי די „פאַראײניגטע", אָפען, האָבען אָהן שום בושה ערקלערט, אַז זײ גלויבען ניט בײַ די איצטיגע באַדינגונגען אין דעם קיום פון דער אידישער אױ־טאָנאָמיע און זי מעג חרוב װערען צוזאַמען מיט די, װעלכע זײַנען געקומען אױפריכטיג זי צו רעטען. אױב מיר—האָבען זײ ערקלערט—װעלען ניט בלײַבען בראש, און אונזער אױפגעצװאונגענע פּראָגראַם װעט ניט מנצח זײַן—דאַן קען פון די אַלע אָרגאַנען פון דער אױטאָנאָמיע װערען אַ תל, אַבי די ציוניסטען זאָלען ניט האָבען קײן שלימה און ניט קענען פאַריכטען אונזערע פריהערדיגע מעשים.

ניט קענענדיג און ניט װעלענדיג געבען אַ קאַנדידאַט אויפ׳ן פּאָסטען פון דעם פאַרװאַלטער פונ׳ם מיניסטעריום, האָבען זײ דאָך סיסטעמאַטיש און באַװאוסטזיניג געשטרעבט דערצו, אַז דער דאָזיגער פּאָסט זאָל פון קײנעם ניט פאַרנומען װערען, אַז מען זאָל בלײַבען אָהן אַ ראש, אָהן אַ פאַראַנטװאָרטליכען פירער. װיסענדיג, אַז די העלפט פונ׳ם נאַציאָנאַל־ראַט װעט בשום אופן ניט קענען דערלאָזען, אַז עס זאָל פאַרבלײַבען די אַלטע פּראָגראַם פון קולטור־אַרבײַט, בײַ װעלכער עס זײַנען מעגליך געװען באַגרענצונגען פאַר העברעאיש און דאָס איגנאָרירען פון די װינשען פון אַ גרויסען טײל אידישער באַפעלקערונג, זײַנען זײ ניט נור ניט נעגאַנגען אױף קײן הנחות, נאָר האָבען זיך אפילו דערװעגט אָפען צו שטימען, און צװינגען די פאָלקס־פּאַרטײ נאָכצופאָלגען זײ, נעגען אונזער צײַטװײַליגער פּשרה־פּראָגראַם, װעלכע האָט ענטהאַלטען פּונקטען װעגען דעם, אַז קײן באַגרענצונגען פאַר העברעאיש און אידיש טאָרען ניט דערלאָזען װערען, אַז שולען אין בײדע שפּראַכען האָבען די זעלבע רעכט, אַז די שולען מוזען אָהן תנאים אַ בערגענעבען װערען די קהלות א. א. װ. זײ האָבען ניט געװאָלט שטימען פאַר דער פּראָגראַם, װעלכע האָט פאַרמאָגט אפילו אַ פּונקט, װאָס זיכערט, אַז די אָנגעהויבענע אַרבײַט פונ׳ם מיניסטעריו׳ם אויפ׳ן קולטורעלען געביט װעט פאָרטגעזעצט װערען.

ס׳איז געװען קלאָר, אַז זײ האַלטען בײַ דער דילעמע: אָדער זײ װעלען בלײַבען בײַ דער מאַכט און אָבטון מיט׳ן אידישען פאָלק אַלײן, װאָס זײ װעט זיך גלוסטען, אָדער זײ װעלען מיט די אײגענע הענד צושטערען דעם בנין אײדער ער װעט איבער־געהען צו דער פאָלקס־מערהײט. און ס׳איז געשטעלט געװאָרען—אין קאָן דער גורל פון מיניסטעריום. ס׳איז צושטערט געװאָרען די מעגליכקײט פון װעל־כער־עס־איז געמײנזאַמער אַרבײַט, עס זײַנען אונטער־געלעגט געװאָרען מינעס אונטער דעם נאַציאָנאַל־ראַט.

און די דאָזיגע פאַרברעכערישע כּונה פאָרט־צוזעצען די אַװאַנטיוריסטישע פּאָליטיק נאָר צוליב דעם, כּדי צו שאַפען אַ אילוזיע פון אַ בלומערשטען רעװאָליוציאָנערען קאַמף מיט דער „רעאַקציע", האָבען זײ כּסדר אַרויסגעװיזען בײַ אַלע פראַגען, װעלכע זײ האָבען פאָרזיכטיג פאַרבאָרגט מיט אַ מערהײט פון צװײ־דריטעל: אין דער שטרעבונג צו באַזײַטיגען די דעמאָקראַטיש־געקליבענע קהלות און לסוף—דאָס אונערהערטסטע—אין דעם װילען פאָרויס צו באַשטימען און פאָרויס צו באַגרענעצען די קאָמפּעטענץ פון דער צײַטװײַליגער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. אַ צופעליגער, אַ מעכאַניש־פּאַרטײאיש צוזאַמענגעשטעלטער אָרגאַן, בפרט אַ פאַלסיפיצירטער, װי דער ערשטער נאַציאָנאַל־ראַט, האָט געװאָלט אויפצװינגען אַ געװעהלטער און באַרעכטיגטער פאָרשטעהערשאַפט פון די אידישע קהלות איר קאָמפּעטענץ, איבער װעלכער ס׳האָט נאָך געדאַרפט האָבען אַ שלימה די פרעמדע אויסערע מאַכט.

לאָזען פאַרצײכענט װערען די הײליגע פאַקטען: דער אַלטער נאַציאָנאַל־ראַט האָט באַגרעניצט די קאָמפּעטענץ פון דעם פאָרפּאַרלאַמענט מיט קולטור און סאָציאַלע „פאַרזאָרגונג". די ציוניסטען האָבען אינ׳ם נײַעם נאַציאָנאַל־ראַט אַרײַנגעטראָגען די אויסבעסערונג:

„די קאָמפּעטענץ פון דער צײַטװײַליגער אידישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג װערט באַשטימט פון איר אַלײן".

געגען דער דאָזיגער נאַטירליכער פאָדערונג האָבען געהאַט די העזה צו שטימען די סאָציאַליסטישע פראַקציעס. די אויסבעסערונג האָט באַקומען 25 פאַר און 25 נעגען. לויט דער אײגענאַרטיגער „קאָנסטיטוציע" האָט די אויסבעסערונג ניט מען קײן קראַפט. דערבײַ האָבען די סאָציאַליסטען ערקלערט, אַז זײ שטימען נעגען: ערשטענס דערפאַר, װאָס די קאָמפּעטענץ דאַרף באַשטימט װערען דוקא פון דער מלוכה (בײַ הײַנטיגע צײַטען!) און, צװײטענס, װײַל זײ פאַרטרויען ניט דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און װילען זי פאָרויס בינדען.

די אידישע סאָציאַליסטען האָבען אויף אַזאַ אופן גאָרנישט ניט פאַרגעסען און גאָרניט נישט געלערענט.

טראָגען אויף זיך װײַטער די אחריות פאַר אַזאַ מין „היסטאָרישע" באַגרענצונגס־אַרבײַט, פאַר דער דאָזיגער פאַרשטערונג, האָבען די ציוניסטען מער ניט געקענט. און זײ האָבען אָבגערופען זײערע פאָרטרעטער פון פּרעזידיום, לאָזענדיג זיך פרײַע הענד פאַר װײַטערע האַנדלונגען, איבערטראָגענדיג די גאַנצע אחריות אויף יענעם פליגעל, װעלכער איז שוין געװאוינט ניט צו צוהערען זיך צו דער שטימע פון פאָלק און אוזורפּירען זײַנע רעכט.

און זאָל די אידישע געזעלשאַפטליכע מײנונג װיסען, אַז דער „בונד", „פאַראײניגטע" און „פּועלי־ציון" האָבען סיסטעמאַטיש פאַרצויגען דעם קריזיס פון דער אידישער אויטאָנאָמיע, אַז זײ האָבען זי מקריב געװען צוליב אינטערעסען פון פּאַרטײ, טאַקט און פּרעסטיזש, אַז צוליב זײ הענגט עד היום דאָס אידישע מיניסטעריום אין לופטען, װײַל זײ װילען װײַטער פאָרטזעצען די באַגרענצונגס־פּאָליטיק, אַז זײ װילען באַגרענעצען אויך אונזערע רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג, אַז זײ שטרעבען אויפצוצװינגען **דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג דעם רצון פון אַן׳אונפאַראַנטװאָרטליכען קלײזעל.**

זאָל פאַרשריבען װערען אין דער געשיכטע זײער פאַרברעכען!

* * *

דער נצחון פונ׳ם נאַציאָנאַלען באַװאוסטזײַן.

כמעט אונבאַמערקט איז אין דער פּרעסע דורכגעפלויגען די ידיעה װעגען דער קאָנפערענץ פון דער „ציוניסטישער פאַראײניגונג פאַר דײַטשלאַנד". און כמעט אונבאַמערקט זײַנען אויך געבליבען די רעזאָלוציעס פון דער דאָזיגער קאָנפערענץ. אַזוי דערװײַטערט זײַנען מיר געװאָרען פאַר דער צײַט פון דער מלחמה פון אונזערע מערב׳דיגע חברים און ברידער; אַזוי משונה׳דיג פרעמד קלינגט אָפט אין אונזערע אויערן די אינפאָרמאַציע װעגען זײער לעבען און טעטיגקײַט.

און דאָך האָבען די דאָזיגע רעזאָלוציעס פון דער דײַטשער ציוניסטישער קאָנפערענץ פאַרדינט, אַז מיר זאָלען זײ שענקען די גרעסטע אויפמערקזאַמקײַט, מיר זאָלען זיך טיפער אַרײַנטראַכטען אין זײער תוך, אין זײער אינעװײניגסטען גײַסט און זין.

מיר לײענען אין זײ:

„...די „ציוניסטישע פאַראײניגונג פאַר דײַטשלאַנד" דריקט אויס איר באַפרידיגונג דערמיט, װאָס דער אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט אַזוי פיל אויפגעטון בנוגע צום פּאָפּולאַריזירען די ציוניסטישע באַװעגונג צװישען פאַרשידענע פעלקער און רעגירונגען..."

„די פאַרשידענע פעלקער און רעגירונגען"—דאָס איז די אַלגעמײנע פאָרמעל, מיט װעלכער מען מײנט אַמעריקאַ, ענגלאַנד, פראַנקרײַך און איטאַליען—די פעלקער און לענדער פון אַליאַנס, און װעלכע עס איז הויפּטזעכליך מיט ערפאָלג געפירט געװאָרען די ציוניסטישע אַרבײַט אין דער צײַט פון דער מלחמה. און װי בכיון, כּדי די דאָזיגע פאָרמול זאָל זײַן קלאָרער און ניט איבערלאָזען קײן אָרט פאַר קײן שום חשדים און ספקות, לויטעט די פאָלגענדע רעזאָלוציע:

„די ציוניסטישע פאַראײניגונג פאַר דײַטשלאַנד" באַגריסט דעם פּאַלעסטינא־אַקט פון דער ענגלישער רעגירונג..."

אַזוי האָבען עפענטליך און מוטיג ערקלערט אונזערע דײַטשע חברים.

און מ׳דאַרף זיך בלויז קלאָר פאָרשטעלען די פּאָליטישע סביבה און געזעלשאַפטליכע אַטמאָספערע, אין װעלכע די דאָזיגע װערטער זײַנען געזאָגט געװאָרען, כּדי צו באַגרײַפען זײער באַדײַטונג און װיכטיגקײַט.

ניט אין רוסלאַנד פון די יאָרען 1917 און 1918, װאו די ערנידרונג פונ׳ם אײגענעם פאָטערלאַנד און די אידעאַליזאַציע פונ׳ם שונא איז דערהויבען געװאָרען צו דער מדרגה פון אַ מין פּאָליטישען ספּאָרט; ניט אין אוקראַינע, װעלכע האָט אַזוי לײַכט און אָפט אין משך פון דעם לעצטען יאָר געביטען אירע פּאָליטישע געצען, נאָר אין דײַטשלאַנד, אין דער אַטמאָספער פון דעם אײַזערנעם דײַטשען פּאַטראָטיזם, אין דער אײגענאַרטיגער סביבה, װאו ניט נאָר די מעשים, נאָר אויך די מענשליכע פּסיכאָלאָגיע איז דיסציפּלינירט געװאָרען דורך דעם אַלין־פאַרפלײצענדען אימפּעריאַליזם,—אין דער דאָזיגער סביבה זײַנען געזאָגט געװאָרען דורך אונזערע דײַטשע חברים די װערטער:

—מיר באַגריסען די ענגלישע דעקלאַראַציע...

און אויב איך באַטאָן דעם דאָזיגען פּאַקט, מײַן איך ניט דערמיט אויסצומאָלען אונזערע דײַטשע חברים אַלס העלדען, וואָס האָבען געהאַט די מוט עפּענטליך אַרויסצוזאָגען די דאָזיגע ווערטער. מוט איז בײַ ציוניסטען ניט קײן זעלטענקײַט און ניט קײן באַזונדער פאַרדינסט. דער ציוניזם האָט זיך דאָך געמוזט דורכברעכען נײַע דרכים אין אַן אַטמאָספערע פון אונצוטרוי, חשד און בלבולים. און נאָר קעמפער, מוטיגע און גרײַטע צו קרבנות, האָבען געקאָנט געפינען אַן אָרט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

די ערקלערונג פון אונזערע דײַטשע חברים אינטערעסירט אונז פון אַן אַנדערען זײַט — פונ'ם פּסיכאָלאָגישען שטאַנדפּונקט.

ווען די ענגלישע רעגירונג איז אַרויסגעטראָטען מיט איר פּאַלעסטינא דעקלאַראַציע, האָבען זיך געפונען ניט ווייניג אַפּיקורסים, וועלכע האָבען גענומען „אויסטײַטשען" די דאָזיגע דעקלאַראַציע, זוכען אין איר פּנימיות און אַ פאַרבאָרגענעם פּשט, באַמיהענדיג זיך מיט אַלע מיטלען צו באַווײַזען, אַז די גאַנצע דעקלאַראַציע איז אײגענטליך אַ „נאָר נישט". אונזער גלות־סקעפּטיציזם און די גלות־דערשלאָגנהײַט האָבען ניט געקאָנט פאַרטראָגען אַ פולע שמחה אויף דער אידישער גאַס, און מ'האָט אָנגעהויבען צו זוכען הינטערשטע געדאַנקען אין דער דעקלאַראַציע, מ'האָט זיך פאַרנומען מיט שוואַרצע נביאה. מע האָט אונז מתרה געווען: „נעמט ניט אָן די אויסגעשטרעקטע האַנד, — זי האַלט פאַרבאָרגענע פײַלען קעגען אײַך". אַזוי האָבען גע'טענה'ט דוקא אידען מיט הײסע אידישע הערצער, וואָס האָבען ליב געהאַט ארץ ישראל און געוואוינט אין די לענדער, וואו קײן שנאה צו ענגלאַנד איז נישט געווען, וואָס האָבען אָבער ניט געקאָנט געפינען אין זײער נשמה דעם פינק פון פעסטען ווילען און טיפער אמונה.

און אויב דער סקעפּטיציזם האָט פאַר'סמ'ט אַ טײל אידען אין די אַליאַנס־לענדער, על אחת כמה וכמה האָבען מיר געקאָנט דאָס זעלבע ערוואַרטען בײַ אונזערע דײַטשע חברים; על אחת כמה וכמה איז זײ געווען פּסיכאָלאָגיש לײַכט זיך אָנצושטױסען מיט דעם דאָזיגען אומצוטרוי צו דער ענגלישער דעקלאַראַציע — ווי שווער איז זײ געווען בײַצושטעהען דעם פּסיכאָלאָגישען נסיון צו וואַרפען האָטש אַ קלײנעם חשד אויף דער ערקלערונג, וועלכע איז דאָך אַרויסגעגאַנגען פון ענגלאַנד, פון דײַטשלאַנד'ס פאַרביסענסטען שונא?!

אונזערע דײַטשע חברים זײַנען בײַגעשטאַנען דעם גרויסען נסיון. נאָך מער: זײ האָבען געפונען אין זיך גענוג התלהבות, אמת'ע און נאַטירליכע התלהבות פאַר דער ענגלישער דעקלאַראַציע.

און דאָס איז סימפּטאָמאַטיש. דאָס באַווײַזט ווי ווײַט ס'איז דערגאַנגען די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע אינ'ם דײַטשען אידענטום, די רעוואָלוציע, וועלכע איז אַרויסגערופען געוואָרען דורכ'ן ציוניזם; דאָס באַווײַזט, ווי טיף איז די אינווייניגסטע עוואָלוציע, וועלכע דאָס דײַטשע אידענטום האָט דורכגעמאַכט אונטער דער השפּעה פון דעם ציוניסטישען רעיון.

צווישען צוויי פּסיכאָלאָגישע שטראָמען האָבען זיך געפונען אונזערע דײַטשע חברים: פון אײן זײַט די פּסיכאָלאָגיע פון דײַטשע בירגער, וועלכע געפינט זיך אונטער'ן שטענדיגען דרוק פון דעם אײגענאַרטיגען דײַטשען מלוכה־גײַסט, פון דער אַנדערער — די פּסיכאָלאָגיע פון שטאָלצע און פרײַע נאַציאָנאַלע אידען. און מנצח געווען האָט די צווייטע.

און ווער עס ווייס, ווי טיף אַסימילירט עס זײַנען געווען די דײַטשע אידען ערשט מיט עטליכע יאָר צוריק, וואָס פאַר אַ שטאַרקען אָרגאַנישען ווידערשטאַנד ס'האָט געדאַרפט גובר זײַן דאָס אידישע נאַציאָנאַלע באַוואוסטזײַן אויפ'ן וועג צו דער נשמה פונ'ם דײַטשען אידען, — דער וועט באַגרײַפען די גרויסקײַט פון דער רעוואָלוציע, וועלכע ס'האָט איבערגעלעבט דאָס אַסימילירטע דײַטשע אידענטום אונטער דער נאַציאָנאַליזירענדער ווירקונג פונ'ם ציוניזם. ניט די פּראַזע האָט זיך אומגעביטען, ניט דער געדאַנק האָט אָנגענומען אַן אַנדערע ריכטונג. ס'האָבען זיך געביטען די אינטימסטע און אינווייניגסטע נשמה־וואָרצלען. די אַלטע זײַנען אָפּגעשטאָרבען, ס'זײַנען געבוירען נײַע.

* * *

אַגב, נאָך אַ פּאָר ווערטער.

דאָס אידישע נאַציאָנאַלע באַוואוסטזײַן — דאָס איז דער ציוניזם. דער ציוניזם — דאָס איז דאָס אידישע נאַציאָנאַלע באַוואוסטזײַן. בײדע זײַנען סינאָנימען.

און נאָר אין די תקופות פון געזעלשאַפטליכער רעאַקציע, ווען די קלאָרקײַט און בילטקײַט פון פאַרענדיגטע אידעען ווערען אָפּגעטעמפּט דורך דער געזעלשאַפטליכער מידקײַט, קען געבוירען ווערען דער בעל־הבית'ישער כתם־נאַציאָנאַליזם אונטער זײַנע פאַרשידענע נעמען און מאַסקען („פאָלקסיזם", אידישיזם, סיימיזם א. א. וו.).

און ווען דער דאָזיגער כתם־נאַציאָנאַליזם, וועלכער שלעפּט זיך נאָך נאָך דעם ציוניזם, פאַרגעסט אָן זײַן מקור און דערוועגט זיך זאָגאַר באַשולדיגען דעם ציוניזם אין אַסימילאַציע (אויך צו אַזאַ פּאַראַדאָקס האָבען מיר דערלעבט!) — איז עס פּשוט לעכערליך

ער פאַרגעסט, אַז כדי ער זאָל געבוירען ווערען און האָבען די מעגליכקײַט איבער'חזר'ן דעם ציוניסטיש־נאַציאָנאַלען אלף־בית, האָט דער ציוניזם פריהער געדאַרפט דורכמאַכען די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע אינ'ם אידענטום: מיט 20 יאָר צוריק, — אין רוסלאַנד, מיט 10 יאָר צוריק — אין פּוילען, און די לעצטע צײַט — אין דײַטשלאַנד.

מ. הינדעס.

א פריהצייטיגער שרעק.

II.

ניט בלויז דערפאַר דאַרפען מיר באַגריסען די אָרגאַניזירונג און פאַראײניגונג פון דער אידישער אָרטאָדאָקסיע, ווײַל דורכדעם ווערען הונדערטער טויזענטער שוהל־אידען אַרײַנגעצויגען אין דעם תחום פון אַלגעמײנע און אידישע פּאָליטיש־געזעלשאַפטליכע אינטערעסען, ווערען מער וועלטליך און אַקטיוו, נאָר אויך דערפאַר, וואָס אויף אַזאַ אופן ווערט לײַכטער און נאַטירליכער פאַרקומען דער גרויסער קבוץ גליות, די אויפריכטונג און ווידער־אויפבויאונג פון דער אידישע נאַציע, אַלס אַ גאַנצען אײנהייטליכען פאָלקס־אָרגאַניזם.

נאַטירליך, פאַר'ן „בונד" און יענע פּאַרטײען, וועלכע האַלטען בײַ פאַראײניגונג מיט אים, איז אָט דער דאָזיגער וואונש אונזערער דוקא אַ חסרון, זאָגאַר רעאַקציאָנער און פאַרברעכעריש, אָבער פאַר אַלע די, וואָס שטעהען אויפריכטיג אויפ'ן שטאַנדפּונקט, אַז עס איז פאַראַן אויף דער וועלט איין אידישע נאַציע מיט געמײנזאַמע פאַר אַלע אירע קלאַסען נאַציאָנאַלע אינטערעסען און אַז זי מוז וואָס גיכער און בעסער אָרגאַניזירט און עמאַנסיפּירט ווערען, פאַר די איז וויכטיג, אַז עס זאָל ניט פּזאַלווירען ווערען קיין איין איבעריגער שאַנס, וואָס קען מיטהעלפען דערצו, אַז קיין איין אבר פונ'ם נאַציאָנאַלען גוף זאָל ניט פאַרדאַרט ווערען.

אויפריכטען די אײנהייט פון דער אידישער נאַציע קען מען אויף צווייערליי אופנים: פון אויבען און פון אונטען, ד. ה. דורך אַן אַלגעמײנעם אַלוועלטליכען אידישען קאָנגרעס, צו וועלכען עס וועלען גערופען אַלע אידען, סתם אידען, און דורך אַ פאָרהעריגער פּלאַנמעסיגער אָרגאַניזירונג פון די אײנצעלנע גרופּען, חלקים און קלאַסען פונ'ם פאָלק, לויט דער נאַטירליכער דיפערענצירונג. דאָס ערשטע איז געוויס אומפּאַזאַנטער, ווײַל עס קאָן געשעהען בלויז אַלס אַ פּועל־יוצא פון אַ נאַציאָנאַלער התלהבות, — דאָס צווייטע איז אָבער זיכערער, נאַטירליכער און דורכפירבאַרער. און אויסער אַלעמען: פאַר אונזערע אויגען קומט דאָס אײגענטליך, סײ־ווי שוין, פאָר; די טענדענץ פון דעם אידישען פּאָליטישען לעבען ווירקט אין הסכם מיט'ן צווייטען וועג.

מיר זעהען, אַז אין משך פון די לעצטע 25 יאָר קומט פאָר כסדר דער פּראָצעס פון זאַמלונג פון אידישע כחות, ער געהט, כ'וואָלט וועלען זאָגען, האָריזאָנטאַל און ווערטיקאַל, שיכטענווײַז און קלאַסענווײַז. די אָרגאַניזירונג קומט פאָר אויף פאַרשידענע וועגען, און דערבײַ ווערט קודם כל צושטערט די אויסערע מחיצה פון מלוכה־גרענעצען, וועלכע דערווײַטערט איין טײל פון פאָלק פון דעם אַנדערען.

דעם היסטאָרישען שריט אין דער ריכטונג האָט געמאַכט דער ציוניזם, שאַפענדיג די אַלוועלטליכע ציוניסטישע קאָנגרעסען, וועלכע האָבען צום ערשטען מאָל צונויפגערופען און צונויפגענומען אידען פון דער גאַנצער וועלט, פאַראײניגט זײ דורך געמײנזאַמע אינטערעסען און געשטעלט אויסער די גרענעץ־סלופּעס פון זײערע געבורטס־לענדער. דאָס איז געווען דער ערשטער פאַרוך; די אידעע, וועלכע האָט אַלעמען פאַראײניגט, האָט נאָך ניט פאַרמאָגט אין זיך די קערענדלאַך פון דעפירענציאַציע, ווײַל ס'איז ערשט געווען די ערשטע סטאַדיע.

שפּעטער זעהען מיר די בריסעלער קאָנפערענץ — אַן אַלוועלטליכע באַראַטונג פון די גרויסע אידישע אָרגאַניזאַציעס, ווי יק"א, הילפספאַראיין, אַליאַנס א. א. וו., וועלכע האָבען זיך דאַמאָלט געפונען אין די הענד פון אונזער אַסימילירטער גרויס־בורזשואַזיע. אַ צווייטע שיכט איז דורך די אומשטענדען פון גלות געצוואונגען געווען צו אַ געמײנזאַמער אַרבײט. אין 1908 יאָר איז פאָרגעקומען די גרינדונג פונ'ם אַלוועלטליכען פאַרבאַנד פון דער אידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבײטער־פּאַרטײ—פּועלי־ציון, וועלכע האָט זיך פאַרשפּרייט כמעט איבער דער גאַנצער אידישער וועלט און האָט זיך געשטעלט פאַר דער אויפגאַבע צו פאַראײניגען דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט. דער ערפאָלג פון דעם פּועלי־ציון־געדאַנק גיט האָפענונגען צו גלויבען, אַז זײ וועלען סוף־כל־סוף ווערען די פּאַרטײ פונ'ם גאַנצען אידישען פּראָלעטאַריאַט, וועלכער שטעהט אויפ'ן באָדען פון דער נאַציאָנאַל־ציוניסטישער אידעע. ווידער, אַלזאָ, אַ פאַראײניגונג פון אַ גרויסער פאָלקס־שיכט.

אין אַ צײַט אַרום זעהען מיר נאָך אַן אַלוועלטליכע קאָנפערענץ — דאָס מאָל פון דער אידישער אָרטאָדאָקסיע (אין קאַטאָוויץ) און די גרינדונג פון דעם אַלוועלטליכען פאַרבאַנד „אגודת ישראל". נאָך איין שיכט פון דעם אידישען פאָלק — אין דער גרעסטער און דוקא דער אָבגעשטאַנענסטער — איז דערוועקט געוואָרען צום לעבען, צו געזעלשאַפטליכקײַט.

און בשעת איך האָב געזעהען אין קאַטאָוויץ דעם פראַנקפורטער רב בראַיער צוזאַמען מיט דעם ברי

סקער ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק, דעם אַמעריקאַנער פּראָפעסאָר שעכטער מיט דעם פּשטעשילער רב האָב איך גאָרדערבײַ ניט געטראַכט, אַז עס פאַראײַניגט זיך פאַר מײַנע אויגען די „קלעריקאַלע רעאַקציע" און עס אָרגאַניזירט זיך דער „שוואַרצער כח", נאָר געפילט און פולקאָם קלאָר באַגריפען מיט׳ן שכל און מיט דעם אינסטינקט, אַז קודם כל קומט פאַר אַ וויכטיגע היסטאָרישע אַרבײַט, אַ דערפרישונג און אויפוואַכונג פון געוויסע עלעמענטען, אַ דערנענטערונג פונים מזרח צום מערב, וואָס וועט סוף כל סוף אין ראשית כל ברײַנגען נוצען דעם גאַנצען כלל. דער געדאַנק וועגען דער אײַנהייטליכער אידישער נאַציע—זאָל זײַן אפילו ניט אין זײַן גאַנצער קלאָרקייט —הייבט אָן צו באַהערשען נאָך אַ טייל פון פאָלק. און אויב מען וועט גרײַפען ווערען שפּעטער צו אַן אַלוועלטליכען קאָנגרעס, וועט מען קומען ניט ווי בלאָנדזשענדע, צופעליגע און צושראָקענע יחידים, נאָר ווי פאַראײַניגטע און מעכטיגע אָרגאַניזאַציעס, וואָס וועלען זיך קענען לײַכטער צונויפרעדען.

אויב, אַלזאָ, די אויפריכטונג פון דער אײַנהייטליכער אידישער נאַציע קאָן ניט דערווײַל קומען פון אויבען, לויט׳ן װאונש און ווילען פון באַגאַבטע פּאָליטיקער, נאָר ס׳איז באַשערט איר צו קומען פון אונטען, דורך אַ נאַטירליכע גרופּירונג לויט קלאַסען-אינטערעסען און פאַראײַניגונגען פון גלײַכגלויביגע מענשען, דאַן קען די שאַפונג פון אידישע אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זאָלען ווירקליך פאַראײַניגען אַלע פרומע אידען, רופען זײַ צו אַקטיוויטעט, פריהער אין רוסלאַנד, פּוילען און אוקראַינע און שפּעטער, דורך ענליכע אָרגאַניזאַציעס אויך אין אַנדערע לענדער, אין אַן אַלוועלטליכע אגודת ישראל—נאָר פאַרלײַכטערען דעם אויבענדערמאַנטען וועג.

און וואָס גרעסער און שטאַרקער עס וועלען ווערען די אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציעס, אַלץ לײַכטער וועט סוף כל סוף זײַן שפּעטער אויפצוריכטען די אײַנהייטליכקייט פונ׳ם אידישען פאָלק, פונקט אַזוי ווי דער דאָזיגער כלל איז הל בנוגע צו די איבעריגע קלאַסען און גרופּען אין פאָלק.

געוויס, עס שטעקען דערין אויך אײַניגע סכנות. עס קאָן אפשר טאַקי ברענגען צו קלעריקאַליזם אָדער צו אַן אָרטאָדאָקסיע אַ לאַ פראַנקפורט, וואו מען פּרעדיגט רעליגיאָן, מען פאַרלײַקענט, מ׳טרײַבענדיג אַ פּאָליטיק די נאַציע, אירע לעבעדיגע און בלוטיגע אינטערעסען. דאָס קאָן אָבער פּאַסירען נאָר דאַן, ווען די אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציע וועט בלײַבען אַ פּריווילעגיע פון אַ הײַפעל מענשען און וועט ניט ווערען קײַן מאַסען-באַוועגונג. אין פּוילען האָבען אָבער די דײַטשע אָרטאָדאָקסען געמוזט זיך רעכענען מיט די פאָלקס-שטימונגען און דאָרטען ווערען זיי געצוואונגען צו פירען אַ מער אָדער ווייניגער נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, הגם זי הינקט נאָך צו און וואַרפט אָפט די די גערער חסידים אין די אָרעמס פון די אַסימילאַטאָרען.

אַגב אַ פּאָר ווערטער וועגען דעם אידישען קלעריקאַליזם. אין דעם שטרעבען צו זײַן „מיט לײַטען גלײַך" האָבען אונזערע ראַדיקאַלען אַ ביסעל צו פריה אַרײַנגעבראַכט אין אונזער לעבען דעם דאָזיגען אויספּראָבירטען שרעק-מיטעל. וואָרום, לאָמיר זיך ניט נאַרען, לעת עתה, בפרט אינ׳ם אידישען לעבען פון רוסלאַנד און אוקראַינע, קען מען נאָך ניט אָנווענדען דעם דאָזיגען אויסדריק בנוגע צו אונזערע פרומע אידען. דער גאַנצער כאַראַקטער און, כוואָלט געזאָגט, דער סטיל פונ׳ם אידישען כלי קודש,—מיט אויסנאַם פון אײַניגע רביים און זייערע חסידים—איז נאָך צו ווייט פון דעם, וואָס מען פאַרשטעהט אין אויסלאַנד אַלס קלעריקאַליזם, אַלס אַ פּאָליטיזירענדע, רעאַקציאָנערע גוט-אָרגאַניזירטע אונטאָלעראַנטע סעקטע פון כלי-קודש און גלויביגע, פאַר וועלכער אַלע וועגען און מיטלען זײַנען גוט. דער אידישער רב איז לעת עתה נאָך זעהר ווייט פונ׳ם טיפּ פון אַ קאַטוילישען גלח אָדער פּראָטעסטאַנטישען פּאַסטאָר, שוין דערפאַר אַלײַן, האָס ער איז בכלל ווייניגער פּאָליטיש אַנטוויקעלט, ווייניג וועלטליך. ער האָט זיך אַלײַן און זײַן כח נאָך ניט ערקענט אין זיך. אויך די אידישע שוהל אָדער דער בית-המדרש איז בײַ אונז צו וועלטליך און וואָכעדיג, אַ געזעלשאַפטליכע קהלה-אינסטיטוציע אָהן דעם שלײַער פון ראָמאַנטיזם, אָהן דעם אויסערען שײַן, פון וואַנען עס לאָזט זיך הערען דער באַפעהל פונ׳ם איבערשטען אויף פּ ר אַלע ענינים פונ׳ם געזעלשאַפטליכען און פּאָליטישען לעבען. דעריבער זײַנען די אידישע רבנים דערווײַל ניט ביכולת צו זײַן די טרעגער פון אַ קלעריקאַליזם, וואָס וויל לעגען אויף אַלץ זײַן דריקענדע שוואַרצע האַנד. בלויז דערמיט אַלײַן, וואָס אײַנצעלנע גרופּען פון פרומע אידען העלפען זיך פאַראײַניגען, אַלזאָ רײַן מעכאַניש, ווערט נאָך ניט געשאַפען דער קלעריקאַליזם.

דערמיט, וואָס מיר באַטראַכטען די געשעהנישען פונ׳ם אידישען לעבען פון אַ געוויסער אָביעקטיווער הויכקייט און זעהען איין אין דער אָרגאַניזירונג פון די שול-אידען אַ פּראָגרעסיווע און נוצליכע ערשײַנונג, איז, נאַטירליך, נאָך ניט געזאָגט, אַז מיר זײַנען מסכים גופא מיט די אידעען, וועלכע זײַ טראָגען אין פאָלק אָדער אַז מיר פּראָקלאַמירען אין דער פרט אונזער נײַטראַליטעט. נײַן, דאָס אודא

ניט. אָבער מען דאַרף אונטערשײַדען צווײַ זאַכען: אַ גרינדונג פון אַ נײַער חברה, וואָס וויל פּראָפּאַגאַנדירען אמונה, קינסטליך אײַנפּלאַנצען דעם דת און די אוראַלטע פאָרמען, צו די אָרגאַניזירונג פון דעם שוין עקזיסטירענדען און באַשטעהענדען; עס ווערען דאָך אָרגאַניזירט די אידען, וועלכע האָבען נאָך ביז אחרונות געגלויבט אין גאָט, געלעבט אין גײַסט פון אמונה א. א. וו. זײַ צו אָרגאַניזירען אין נײַע פאָרמען איז אַ פּראָגרעס און ניט אַ רעגרעס.

וועט אָבער די אָרגאַניזירטע אָרטאָדאָקסיע וועלען אויפצווינגען אונז איר מײַן, וועט זי פּראָבירען צו פאַרגרעסערען איר השפּעה—וועלען מיר זי דאַן באַקעמפען און אַרײַנפירען אין אירע ברעגען. און אפילו אָט דער פּראָצעס פון קאַמף וועט זײַן פרוכטבאַר און ניצליך פאַר בײדע צדדים.

מען דאַרף זיך בלויז ניט שרעקען פריהצײַטיג, מען דאַרף ניט פאַרלירען דעם חוש און ניט לאָזען זיך פאַרפירען פון ביליגע אויסגעשרײַען, מיט וועלכע מען וויל נושא חן זײַן בײַם המון.

מ. גראָסמאַן.

העבּרעאישע קולטור-אַרבייט אין אַמעריקע.

די העבּרעאיסטען, דאָס הייסט, די אַלע, וועלכע דענקען און רײדען העבּרעאיש, פיהלען, אַז זיי זײַנען אָרגאַניש צונויפגעבונדען מיט דער שפּראַך, זיי זײַנען טיף איבערצײַגט, אַז נאָר אין דער העבּרעאישער שפּראַך קאָן זיך מאַניפעסטירען די נאַציאָנאַלע גאונות פונ׳ם אידישען פאָלק אין זײַן גאַנצער שײנקייט און רײנקייט און אַז אין אַנדערע שפּראַכען, אפילו אין דער אידישער, קען די נאַציאָנאַלע גאונות ניט קומען צום פולען אויסדרוק, ווײַל עס איז געבונדען דורך פרעמדע עלעמענטען. אָט צוליב דער איבערצײַגונג פיהלען זיך די העבּרעאיסטען אין אַמעריקע איזאָלירט און פאַרלאָזען.

דאָס דאָזיגע געפיהל פון די העבּרעאיסטען נעמט זיך פון פאַרשידענע סבּות. אין רוסלאַנד, פּוילען און גאַליציען האָט העבּרעאיש פון אײביג אָן געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אינ׳ם אידישען לעבען. קענען העבּרעאיש איז געווען אַ סימן פון אַ גוטער ערציהונג און אינטעליגענץ, נאָך מער—ס׳איז געווען אַ סימן פון יחוס. אַן אָרעמאַן אָדער אַן אַרבײַטער האָט מען נאָך געקענט פאַרצײַען, וואָס ער האָט ניט געלערענט, אָבער אַ פאַרמעגליכער האָט געמוזט קענען תנ״ך און העבּרעאיש, אַניט האָט מען איָם געהאַלטען פאַר אַ עם-הארץ. הכלל, קענען העבּרעאיש, איז געווען אַ גיכער מיטעל צו פאַרשאַפען זיך אַ צוטריט אין די בעסטע קרײַזען פון דער געזעלשאַפט. מיט עטליכע צענדליג יאָר צוריק פלעגט מען נאָך אין דער אידישער האַנדעלס-וועלט פירען די קאָרעספּאָנדענץ און די געשעפטס-ביכער אויף העבּרעאיש. אַ כלה, וועלכע האָט נאָר געהאַט וועלכע ס׳איז פּרעטענזיעס אויף אַ גוטע ערציהונג, פלעגט שרײַבען צו איר חתן בריף אויף העבּרעאיש, און אויב זי אַלײן האָט ניט געקענט, פלעגט איר לערער שרײַבען פאַר איר. רוסיש און פּויליש זײַנען ניט געווען קײן קאָנקורענץ פאַר דער העבּרעאישער שפּראַך: זיי האָט מען געהאַלטען פאַר פרעמדע שפּראַכען, אויף וועלכע מען רעדט מיט אַ פּריץ, מיט אַ באַאַמטען, בכלל מיט ניט-אידען. אידיש ווידער איז געווען די וועלטליכע, אַלטעגליכע שפּראַך, אויף וועלכע מ׳פלעגט רעדען, אָבער נישט שרײַבען. אמת, ס׳זײַנען שוין דעמאָלט אויך געווען אסימילאַטאָרען בנוגע דער שפּראַך-פראַגע—דאָס זײַנען געווען סטודענטען, דאָקטוירים, אינזשינערען, אַדוואָקאַטען, אַפּטײקערס און אַנדערע פאַרטרעטער פון אינטעליגענטע פּראָפעסיעס — אָבער זיי האָבען געהאַט זעהר אַ קנאַפּע השפּעה אין דער אידישער געזעלשאַפט. אין די גרויסע צענטרען זײַנען זיי געווען באַזונדערע קלײנע גרופּען, וועלכע זײַנען דורך זייערע פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסען געווען אָפּגעזונדערט. האָבען קײן שום שייכות ניט געהאַט מיט זיי און פלעגען קוקען אויף די דאָזיגע אינטעליגענטען ווי אויף „מענשען, וואָס רײדען גוי׳איש" אפילו דעמאָלט ווען מ׳דאַרף עס ניט.

די העגעמאָניע פון דער העבּרעאישער שפּראַך האָט זיך אָנגעהויבען אין די אַכציגער יאָרען פון פאָריגען יאָרהונדערט. זי האָט זיך דעמאָלט אָנגעשטויסען אויף אַן אָפּאָזיציע פון צוויי זײַטען: מצד דער אָפיציעלער לאַנדס-שפּראַך און דער אידישער שפּראַך. בײדע האָבען זיי געוואָלט אַרויסשטופען די העבּרעאישע שפּראַך און פאַרנעהמען איר אָרט. צום טייל האָבען זיי אויך געהאַט אַ ערפאָלג, אָבער נאָר צום טייל. די אַזוי גערופענע העכערע געזעלשאַפט האָט ניט געוואָלט וויסען פון דער העבּרעאישער שפּראַך אפילו אין די סינאַגאָגעס. דאַדורך איז נאַטירליך אָפּגעשוואַכט געוואָרען די באַדײַטונג פון העבּרעאיש אַלס ערציהערישער פאַקטאָר. אָבער די ווײַטערדיגע פּראָבעס אַרויסצוטרײַבען דאָס העבּרעאישע פון די אידישע שולען און צושטערען די אַנטוויקלונג פון דער העבּרעאישער ליטעראַטור האָט קײן שום ערפאָלג ניט געהאַט. אמת, אין די לעצטע צענדליגער יאָרען האָבען מיר געזעהען אויסוואַקסען אַ באַדײַטענדע ליטעראַטור אין דער אידישער שפּראַך, אָבער דערפאַר האָט זיך דאָס העבּרעאישע אין דער זעלב-

נער צײַט נאָך פיל מער אנטװיקעלט. נאָר די אראַביש-שפּאַנישע עפּאָכע קאָן זיך פאַרגלײַכען מיט דעם איצטיגען אנטװיקלונגס-פּעריאָד פון אונזער העברעאישער ליטעראַטור. די אידיש-רוסישע ליטעראַטור האט אונז געגעבען אַ גאַנצע רײהע באַדײַטענדע שריפטשטעלער, דערהויפּט אויפ'ן געביט פון זשורנאַליסטיק; די אידישע ליטעראַטור האט פיל גרויסע דיכטער און קינסטלער, אָבער די העברעאישע ליטעראַטור איז דער אוצר פון אידיש-נאַציאָנאַלען געדאַנק, זי שפּיגעלט אָב אין זיך די נאַציאָנאַלע האָפנונגען פון אידישען פאָלק. די אידיש-רוסישע ליטעראַטור איז דורכגעדרונגען מיט'ן נעגאַטיװען צושטערענדען גײַסט פון אסימילאַציע, די אידישע ליטעראַטור איז נאַציאָנאַל—אָבער נאַציאָנאַל פון גלות-שטאַנדפּונקט, די העברעאישע דאַגעגען רופט אונז צום „קאַמף, צום נאַציאָנאַלען קאַמף. און זי אָטעמט מיט פרײַהײַט, אין איר גליהט נאָך דאָס הײליגע פײַערל, װאָס איז נאָך קײנמאָל ניט פאַרלאָשען געװאָרען פאַר דער צײַט פון אונזער צװײטויזענד-יעריגער װאַנדערונג.

די העברעאיסטען, װען זײ זײַנען ערשט געקומען קײן אַמעריקע, האָבען אָנגעהויבען פיהלען אַ דאָפּעלטען גלות. אַמעריקע איז אַ נײַ לאַנד: דאָ איז קײן אָרט ניטאָ פאַר אתה-בחרתנו'קעס, פאַר פּריװילעגירטע. יעדערער מוז אָנהויבען פון אָנהויב און פאַרגעסען זײַן פאַרגאַנגענהײַט. ער מוז נײַ געבוירען װערען און דאַן אַלײן מאַכען זיך אַ לעבען.

װאָס האָבען געפונען די העברעאיסטען בײַ זײער אָנקומען אין דאָזיגען לאַנד? פון אײן זײַט די העברעאישע אידישע געזעלשאַפט פון פריהער אײַנגעװאַנדערטע, װעלכע האָבען זיך שטרענג געהאַלטען בײַ די טראַדיציעס פון דער מערב-אײראָפּעאישער אסימילאַציע און האָבען שוין איבערגעריסען אַלע באַציהונגען צו דער העברעאישער שפּראַך. פון דער אַנדערער זײַט די אידישע מאַסען, װאָס האָטש זײ זײַנען געקומען פון לענדער, װאו העברעאיש איז נעמען דער הויפּט-פאַקטאָר אין אינטעלעקטועלען לעבען פון דער אידישער באַפעלקערונג, האָבען זײ אָבער אָנגעהערט צו די עקאָנאָמיש-נידריגערע שיכטען פון דער געזעלשאַפט. נײַן צענטעל פון זײ זײַנען געװען אַרבײַטער, װעלכע האָבען אין דער אַלטער הײם קײן געלעגענהײַט צו בילדען זײערע קינדער און זײַנען געצװאונגען געװען צו שיקען זײ אָדער אין שלעכטע חדרים אָדער אין די עפענטליכע תלמוד-תורה'ס. ס'איז קײן חדוש ניט געװען, װאָס זײ האָבען ניט געקענט קײן העברעאיש, צוליב זײער אָרימקײַט האָבען זײ קײן מעגליכקײַט ניט געהאַט צו לערנען זיך. די אידישע מאַסען אין אַמעריקע האָבען אַלזאָ ניט געקענט װערען די פּיאָנערען פון דער העברעאישער קולטור, דעריבער זײַנען זײ געװאָרען אַזאַ װיכטיגער פאַקטאָר פאַר דער אַנטװיקלונג פון דער אידישער שפּראַך. איך זאָג ניט, אַז אַמעריקאַ האָט פיל מיטגעהאָלפען צו דער אַנטװיקלונג פון דער אידישער ליטעראַטור, איך װיל נאָר קאָנסטאַטירען, אַז דאָס, װאָס אַמעריקע האָט געשאַפען, איז געשאַפען געװאָרען אין אידיש.

די העברעאיסטען האָבען זיך אַלזאָ געפונען צװישען צװײ פײַנדליכע לאַגערן. די העברעע קרײַזען פון דער געזעלשאַפט זײַנען געװען די שאַרפסטע געגנער פון דער אידעע װידער אויפצולעבען די העברעאישע שפּראַך און האָבען עס אויסגעדריקט דערמיט, װאָס זײ האָבען זי פאַרטריבען אַפילו פון דעם אײנציגען אָרט, װאָס ס'איז נאָך געבליבען פאַר איר—פון דער סינאַגאָגע. די אידישע מאַסען זײַנען ניט געװען קײן געגנער פון העברעאיש, אָבער זײ זײַנען אָנגעפירט געװאָרען פון מענער, װעלכע האָבען גאַנץ אָפען אַרויסגעװיזען זײער אַנטאַגאָניזם געגען העברעאיש, ניט װעניגער פון די אסימילאַטאָרען פון די אויבערשטע שיכטען. די פירער פון די מאַסען האָבען דײַטליך ערקלערט, אַז די העברעאישע שפּראַך איז ניט אַזוי אומנוצליך, װי זי איז געפערליך און שטערט דעם פּראָגרעס. זײ האָבען געפּרובט אויסראָטען מיט'ן װאָרצעל דעם למוד פון העברעאיש אין לאַנד; זײ האָבען דערהויבען די פאָן פון גלות צו דער הויך פון אַ אידעאַל.

די העברעאיסטען האָבען זײער געליטען פון דעם דאָזיגען אינערליכען גלות. זײ זײַנען נאָך געװען אין אַ קלײנער צאָל. פון צײַט צו צײַט, װען זײ פלעגען זיך פאַרבענקען נאָך אַ העברעאיש װאָרט, פלעגען זײ צונויפרופען זײערע צװײהטע און צושפּרײטע חברים אין זיך צונויפרײדען מיט זײ. פון צײַט צו צײַט פלעגען זײ אויך גרינדען פאַראײנען, װאו מ'האָט געקענט הערען רײדען העברעאיש, װאו דאָס לעבעדיגע העברעאישע װאָרט האָט געװעקט פרישע האָפנונגען אין די הערצער פון די פרײַנד פון דער דאָזיגער שפּראַך.

אָבער די דאָזיגע פאַראײנען האָבען לאַנג נישט געלעבט. נאָך אַ קורצער עקזיסטענץ האָבען זײ זיך געמוזט פאַרמאַכען, ניט האָבענדיג דעם כח אויסצוהאַלטען און זיך אַנטקעגען צו שטעלען דעם מעכטיגען פײַנדליכען דרוק פון בײדע זײַטען. אָבער ניט קוקענדיג דעריבער זײַנען די באַמיהונגען פון אײנצעלנע העברעאיסטען דאָך ניט געװען אומזיסט. פון צײַט צו צײַט האָבען זײ אַרײַנגעבראַכט אַן אַנדער גײַסט אין דער אידישער געזעלשאַפט און געװעקט דעם אינטערעס צו דער העברעאישער שפּראַך. זײ האָבען װי װײַט מעגליך געזעהן ניט צו דערלאָזען, אַז ס'זאָל פאַרגעסען װערען די שפּראַך

און די ליטעראַטור, װעלכע האָט דערהאַלטען די גײַסטיגע קולטור פון אידישען פאָלק אין משך פון הונדערטער יאָרען.

איצט איז אַנדערש געװאָרען. איצט הערשען גאַנץ אַנדערע טענדענצען. איך װײס ניט, צו אַלע װעלען מסכים זײַן מיט מיר, אָבער איך זעה דײַטליך דאָס שטרעבען צוריק צו דער העברעאישער קולטור, אַ צוריקקער אין ברײטסטען זין פון װאָרט. די דאָזיגע ערשײַנונג קען מען נאַטירליך אויסטײַטשען אויף פאַרשידענע אופנים, די סקעפּטיקער װעלען זיכער זאָגען, אַז דאָס האָבען די איצטיגע אײַנגעװאַנדערטע פון אײראָפּא און פּאַלעסטינא געבראַכט מיט זיך די נײַע שטרעמונג. איך גלויב ניט אין דער ריכטיגקײַט פון דער דאָזיגער מײנונג. לויט מײַן איבערצײַגונג שטעהט דער אינטענסיװער אינטערעס צו דער העברעאישער קולטור, װעלכען מען באַמערקט איצט אין אַמעריקע, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרשפּרײטונג און פאַרטיעפונג פון'ם ציוניסטישען אידעאַל. די אײגענע ערשײַנונג האָבען מיר אויך געזעהן אין אײראָפּא. דער ציוניסטישער אידעאַל דריקט אויס מיט זיך די שטרעבונג פון אידישען פאָלק זיך אומצוקערען צוריק אין זײַן אײגען לאַנד. ס'איז דעריבער היסטאָריש און פּסיכאָלאָגיש אונמעגליך, אַז דאָס דאָזיגע ציל זאָל אויך גלײַכצײַטיג ניט זײַן פאַרבונדען מיט דעם װינטש זיך צו צוקערען צום אָריגינעלען אידישען געדאַנק—און דאָס קען געשעהען נאָר אין דער העברעאישער שפּראַך. נאָר פאַרביסענע עקשנים אָדער אַזעלכע, װאָס קענען קײן העברעאיש ניט, װילען ניט פאַרשטעהען—אָדער אפשר פאַרשטעהען זײ מאַקע ניט—די דאָזיגע ערשײַנונג.

דער אינטערעס צו דער העברעאישער שפּראַך דריקט זיך אויס קודם כל אין דער שטאַרקער נאָכפראַגע אויף גוטע העברעאישע לערער. דאָס אַמעריקאַנישע אידענטום באַנוגענט זיך שוין ניט דערמיט אַלײן, װאָס דער לערער קען העברעאיש, מ'פאַרלאַנגט אויך פון אים, אַז ער זאָל זײַן אַ פּעדאַגאָג, אַ ספּעציאַליסט אין זײַן פאַך. אויסערדעם דריקט זיך אויס די העברעאישע באַװעגונג אין דער אַנטװיקלונג פון דער העברעאישער ליטעראַטור אויפ'ן אַמעריקאַנישען באָדען. אמת, די ביז־איצטיגע רעזולטאַטען אין דעם פּרט זײַנען נאָך ניט קײן גרויסע, אָבער די דאָזיגע ליטעראַטור הויבט שוין אָן אַרויסצוװײַזען אַן אײַנפלוס אויפ'ן אידישען לעבען. מיט צען יאָר צוריק איז דאָ קײן פּלאַץ ניט געװען פאַר העברעאישע זשורנאַלען און הײַנט ערשײַנען שוין אײניגע צײַטשריפטען. ערשט ניט לאַנג האָט זיך אויך געגרינדעט די ערשטע העברעאישע פאַרלאַגס-געזעלשאַפט אין אַמעריקע, אויסערדעם איז געשאַפען געװאָרען אַ נײַע אָרגאַניזאַציע, װעלכע פאַראײניגט אין זיך אַלע העברעאישע פאַראײנען, און ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אויך די רעפּאָרמירטע אידען, װעלכע זײַנען ביז אַהער געװען געגנער פון דער העברעאישער שפּראַך, הײבען שוין אָן אַרויסצוװײַזען אַ פּאָזיטיװע באַציהונג צו דער דאָזיגער שפּראַך-באַװעגונג.

װי איך האָב שוין פריהער געזאָגט, איז דאָס ערשט אַן אָנהויב, אָבער ס'איז סימפּטאָמאַטיש פאַר די נײַע ריכטונגען אין אידישען לעבען אין אַמעריקאַ. אײנצעלנע פּערזאָנען קאָנען ניט שאַפען קײן נײַע באַװעגונג, אויב דער באָדען איז ניט צוגעגרײט דערצו. אין אַמעריקע איז שוין איצט דער באָדען צוגעגרײט פאַר העברעאישע קולטור-אַרבײט.

ניו-יאָרק. ד״ר שמריה לעװין.

פאַרבראַנירטע פּעדאַגאָגיק.

(צום שפּראַכען-קאַמף).

קאָנען פאַנאַנדער-קלײַבען זיך צװישען צילען און מיטלען איז זעהר גרויסע קונסט. און דער קינפטיגער היסטאָריקער, װען ער װעט זיך פאַנאַנדער-קלײַבען אין די מאָטיװען, װאָס האָבען גורם געװען דעם חורבן פון דער רוסישער רעװאָלוציע, װעט מוזען קאָנסטאַטירען, אַז אײנע פון די סבות און הויפּט-מאָמענטען אין דער מפּלה פון דער רעװאָלוציע איז געװען די אונפעהיגקײַט צו מאַכען דעם געהעריגען חילוק צװישען די צילען און אויפגאַבען, װאָס זײַנען אַרויסגעשטעלט געװאָרען דורך דער רעװאָלוציע פון אײן זײַט און די מיטלען, מיט װעלכע עס װאָלט געװען געזיכערט דאָס דערגרײַכען פון אָט די צילען, פון דער אַנדער זײַט.

בשעת די באָלשעװיקעס האָבען פּראָקלאַמירט דעם לאָזונג: „דער צװעק באַרעכטיגט די מיטלען", האָבען זײ אין דעם זעלבען מאָמענט אויסגעגראָבען פאַר זיך אַלײן אַ קבר. אמת, עס זײַנען פאַראַן מאָמענטען, װען מ'דאַרף אַמפּוטירען דעם גאַנצען פוס. דאָס דאַרף אָבער געטון װערען אינ'ם ערגסטען לעצטען פאַל, װען אַלע, בפירוש אַלע אַנדערע מיטלען, קאָנען שוין מער ניט העלפען. שנײַדען אָבער אויף רעכטס און לינקס נאָר דערפאַר, װײַל אויך דאָס איז אַ מיטל צו דערהאַלטען דײַם לעבען—איז אַ פאַרברעכען.

„עס װערט געטון צוליב דער גרויסער אידעע",
פלעגט מען שטענדיג זאָגען. יאָ, אָבער װען װערט עס דען ניט געטון צוליב אַ גרויסער אידעע, װײַל װעלכע אידעע איז דען ניט גרויס פאַר אירע טרעגער? און װען עס זאָל געגעבען װערען יעדען אײַנ-

האבער פון אַ אידעע דאָס רעכט צו שנײַדען קעפּ אָדער אַרײַנזעצען אין תפיסה, וואָלט אינגיכען ניט געבליבען קײן קעפּ אין די גאַנצע וועלט וואָלט פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין טורמעס, און וואָס עס ווערט טאַקי פאַקטיש פאַרוואַנדעלט יעדעס לאַנד, וואו די הערשער זײַנען פאַנאַטיקער פון וואָסער ניט איז אידעע.

געדענקט איר שפּאַניען? די שײַטערס פון איר אינקוויזיציע זײַנען אויך געמאַכט געוואָרען למען השארית הנפש, צוליב „ואהבת לרעך כמוך“.

דאָס זײַנען אַלץ אזעלכע אמת'ן, וואָס ס'איז, דוכט זיך, אַ בזיון איבערצו'חזר'ן זײ. נאָר וואָס זאָל מען טאָן, מען מוז. זעהר אַ סך פאַרגעסט דער מענש און באַזונדערס פאַרגעסט מען אָפט און גערן דעם איסורדיק פון תלמוד: דעלך סני להבריך לא תעביד.

דעם דאָזיגען איסורדיק האָבען פאַרגעסען אויך די אָנפירער פון אונזערע לינקע פאַרטײען. אָדער אפשר האָבען זײ אים קײנמאָל גאָר ניט געלערענט? אָדער בבזיון פאַרגעסען? דאָס איז דאָך פון תלמוד... ווי עס זאָל ניט זײַן, נאָר זײ, וועלכע האָבען שטענדיג געליטען פון גוואַלדטאַטען און שטענדיג געפירט אַ קאַמף מיט זײ, רעכענענדיג דאָס פאַר'ן גרעסטען פאַרדינסט פאַר זיך, האָבען אָבער אַלײן באַלד ווי זײ זײַנען געוואָרען קרובים למלכות (אַ מערהײַט אויף דער אידישער גאַס זײַנען זײ דאַמאָלט ווי קײנמאָל אויך ניט געווען) אויסגענוצט זײער קרובה'שאַפט צו דער מאַכט, כדי צו געוועלטיגען איבער אַנדערש־דענקענדע. אמת, דאָס איז געטון געוואָרען צוליב אידעען, וועלכע זײ האָבען גערעכענט פאַר הײליגע. זאָל זײַן אַזוי. נאָר דורכדעם ווערט דאָס דאָך ניט אויס גוואַלט. אַ חלול־השם בלײַבט אַ חלול־השם קיים מען באַלײדיגט יענעמס אמונה. אויב יענע גײען אין אַ פאַלשען וועג,—באַווײַזט עס זײ, איבערצײַגט זײ. דערצו איז דאָך פאַראַן די פרײַהײט פון וואָרט. באַנוצט אָבער ניט קײן גוואַלט־מיטלען, ווײַל גוואַלט־מיטלען זײַנען שטענדיג פאַרברעכעריש און עבירה גוררת עבירה. אַנטשולדיגט, דאָס איז אויך פון דער גמרא, און דאָס איז ווידער ניטאָ אין זײער פּראָגראַם. אָבער די פרײַהײט פון זעלבסטבאַשטימונג, איך וויפיל מיר איז באַקאַנט, געפינט זיך יאָ אין זײערע פּראָגראַמען. וואוהין איז זי נעלם געוואָרען? אָדער אפשר איז זי בכלל נאָר פאַר שײַנקײט געגעבען? אָבער דאַן וואָלט מען זי לכל הפחות ניט באַדאַרפט שמוציגען און דערנידריגען.

אין אויך די לעצטע ויכוחים פון'ם נאַציאָנאַל־ראַט האָט מען זי דערנידריגט און פאַרשוועכט. וואָס איז דען פאָרגעקומען. שטיצענדיג זיך אויף דער סאָציאַליסטישער מערהײַט אין לאַנד, האָבען די אידישע סאָציאַליסטען, זײַענדיג אַ מינדערהײַט אין אידישען פאָלק, אָנגעוואָרפען דער מערהײַט פון אָט דעם פאָלק זײער רצון, זײער פּראָגראַם. געצוואונגען אַפילו אין אַזעלכע פראַגען, וואו אַפילו דעם רוב דאַרף ניט נאָכגעגעבען ווערען דאָס רעכט פאַרגוואַלטיגען דעם ווילען און איבערצײַגונגען פון יעדערן באַזונדער. און נעמליך, אין דער פראַגע וועגען דער קינדער־ערציהונג. ווען די אידישע סאָציאַליסטען האָבען באַקומען די מאַכט, האָבען זײ ראשית כל אײַנגעפירט באַשרענקונגען אין דער שול־פּאָליטיק און באַגרענצט די רעכט פון העברעיש. און דאָס איז געטון געוואָרען „אין נאָמען פון פאָלק“, פאַר וועלכען אָט די שפּראַך איז אין משך פון טויזענטער יאָרען געווען די הײליגע און פאַר וועלכער ער האָט ניט אויף זײַן פאָלק־שפּראַך, צוליב וועלכער מ'האָט פּלומרשט אײַנגעפירט די באַגרענצונגען, קײן שום אַנדער נאָמען, ווי לשון קודש. „אין נאָמען פון פאָלק“ באַלײדיגט דעם פאָלקס יראת הכבוד פאַר דער נאַציאָנאַלער שפּראַך.

אצינד, ווען זײער „פריץ“ איז אַוועק און ווילענדיג ניט ווילענדיג האָבען זײ זיך געמוזט אומקערען צו די דעמאָקראַטישע פּרינציפּען און שטיצען זיך ניט אויף דער אויסערער קראַפט, פון וועמען זי זאָל ניט קומען, נאָר אויפ'ן אינערען רצון פון פאָלק; איצט, ווען די „דערגרײַכונג פון דער רעוואָלוציע“, ד. ה. דאָס רעכט צו באַגרענצען די ערציהונגס־רעכט פון די עלטערן, זײַנען געשטעלט געוואָרען אין סכנה; —האָט דער לינקער פליגעל פון נאַציאָנאַל־ראַט זיך געמיהט לכל הפחות צו פאַרבראָנירען אָט די באַגרענצונג. און ווען מ'האָט זײ געפּרובט באַווײַזען, אַז די ציוניסטען און אחדות קאָנען פּרינציפּיעל ניט מסכים זײַן אויף אַזעלכע באַגרענצונגען, האָבען זײ געענטפערט, אַז דאָס איז אַ „פּעדאַגאָגישע“ פראַגע און מ'דאַרף פון איר ניט מאַכען קײן פּרינציפּיעלע פראַגע. באַזונדערס האָט זיך אין דעם פּרט באַמיהט די פאָלקס־פּאַרטײ.

נאָר, הערען פון דער פאָלקספּאַרטײ, אויב דאָס איז ווירקליך אײַער אמת, אויב דאָס איז פאַר אײַך בלויז אַ פּעדאַגאָגישע פראַגע טאָ שטעלט איר זיך דען פאָר די גאַנצע משונה'דיגקײט פון אײַער אויסגאַנגס־פּונקט, דעם אונזין פון „פּאַבראָנירטער פּעדאַגאָגיק“? איך וויל דאָ ניט, גלײַך ווי איר, באַרירען אויך די שפּראַכענפראַגע, וועלכע שפּראַך און וואָס פאַר רעכט זי האָט. דאָס וועלען מיר טון אַן אַנדערש מאָל. אצינד זאָל באַהאַנדעלט ווערען ניט די פּרינציפּיעלע פראַגע וועגען געוויסען פרײַהײטען, וועגען זעלבסטבאַשטימונגסרעכט און אַזוי ווײַטער.

נאָר טאַקי בלויז די פּעדאַגאָגישע פראַגע, און דוקא דאַן טאָר מען זי ניט פאַרבראָנירען. ווײַל די פּעדאַגאָגיק איז לעבעדיג ווען זי פליסט און אַנטוויקעלט זיך; זי איז אָבער טויט ווען מ'פירט זי אַרײַן אין ענגע ראַמען, ווען מען פאַרבראָנירט זי. דאָס איז דאָך מעשׂה דעלאַנאָוו. דאָס איז ערגער פון דעלאַנאָווטשינע—עס איז עפּיס אַ קיטאַישטשינע.

אויב דאָס איז אָבער ניט קײן רײן פּעדאַגאָגישע פראַגע, נאָר אַ קולטור־פראַגע, אַ קולטור־קאַמף, אַ קאַמף מיט יענער קולטור, וואָס איז ענג פאַרבונדען מיט דער העברעאישער שפּראַך—און ווערט דורך איר סימבאָליזירט, מיט אַ קולטור, וואָס איז אין איר יסוד אַ סאָציאַלע, אָבער ניט קײן סאָציאַליסטישע און דערפאַר געפעלט זי אַזוי ניט דעם „בונד“ און זײַן גלײַכען, דאַן זײַט ערליך בנוגע צו אײַערע וועהלער, צו וועלכע איר ווענדט אײַך אַפּעלירען, און זאָגט: מיר שטיצען די רודפים פון דער העברעאישער שפּראַך און לויט דעם פּרינציפּ: „דער צוועק באַרעכטיגט די מיטלען“ אַרגוואַלטיגען מיר דעם רצון פון די עלטערן, פאַרבראָנירען מיר די פּעדאַגאָגיק.

ב. גאָטעסמאַן.

דאָס פאָלק און „זײ“.

I.

דאָס איז געשעהען מיט 5 יאָר צוריק. דער סדר־העולם איז דעמאָלט געווען כמנהגו. יעדעס פאָלק איז זיך פרידליך געזעסען אויף זײַן אָרט. אמת, די פאַרשידענע דיפּלאָמאַטען האָבען שוין געגרײַט די גרויסע וועלט־שלאַכט, אָבער אויפ'ן ערד־קוגעל איז געווען רוהיג און שטיל.

און אין יענער רוהיגער צײַט איז אין אײנער פון די אײראָפּישע רעזידענצען שטעט באַשלאָסען געוואָרען אַ משונה'דיגער קריג: ניט די דיפּלאָמאַטען האָבען אים אַרויסגערופען, ניט קרופּס קאַנאָנען האָבען זײַן גורל באַשטימט. דאָס איז געווען אַ מלחמת־מצוה: צווײ באַזונדערע וועלטאַנשויאונגען האָבען געהאַלטען מלחמה. אײן פאָלק האָט זיך אויף צווײ פײַנדליכע מחנות צוטײלט: אײן צד האָט זיך געשטיצט אויף דעם אויסערליכען כח, און דער צווײטער צד—זײַן געווער איז געווען אין אים אַלײן און זײַן אײנגענער קראַפט, אין זײַן נאַטירליכען און פעסטען לעבענס־אינסטינקט. און מנצח געווען האָט דער צווײטער צד.

איך רעד וועגען דער מלחמה צווישען דעם בערלינער הילפס־פאַראײן און דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַרום דער שפּראַכענפראַגע אין דעם חיפ'ער פּאָליטעכניקום.

ס'איז נאָך בײַ אַלעמען פריש אין זכרון דער רושם פון אָט דער מלחמה. דענסטמאָל האָט זיך אַרויסגעוויזען דער אמת'ער מהות פון'ם אידישען פאָלק: אין אַ מאָמענט פון אַ נאַציאָנאַלער סכנה האָט דאָס רוב פון'ם אידישען פאָלק מיט אײן קול אויסגעשריען: נעמט צו די הענט! אַוועק פון אונזער קדש־הקדשים! ניט נאָר דער יונגער דור אין ארץ ישראל, נאָר אויך דער רוב פון'ם גלות־אידענטום האָט אײַנשטימיג און האַרמאָניש זיך אָפּגערופען אויף דעם פאַרעטערישען שריט פון די בערלינער בעלי־טובות. און די לעצטע האָבען טאַקע געמוזט אָפּטרעטען.

דאָס איז געווען אַ גאַנץ נאַטירליכע ערשײַנונג: אין די סכנה'דיגסטע מאָמענטען פאַר'ן נאַציאָנאַלען קיום, אין די מאָמענטען פון שאַפען אַ נאַציאָנאַלען לעבען, טרעט אַרויס אויף דעם צענטראַלען אָרט דאָס פאָלק אַלײן. זײַן אינסטינקט פון זעלבסט־בעוואַהרונג דיקטירט אים, וואָס ער האָט צו טון און ווי ער דאַרף האַנדלען. ניט די פאַרשידענסטע פּאָליטיק־מאַכערס מיט זײערע כל־ערלײ השׂגות און קונצען, נאָר דאָס פאָלק גופא זאָגט דאָס לעצטע וואָרט. און דערפאַר איז טאַקע אַזוי גיך געקומען דער אײנציגער נצחון אין יענער שפּראַכען־מלחמה, דער נצחון פון'ם פאָלקס־רצון.

II.

און וואָס קומט פאָר איצט?

די לעצטע פיר שרעקליכע יאָר האָבען זײערס אָבגעטון: די מורא'דיגע וועלט־מלחמה, די אונערהערטע רדיפות אויף די אידען אין דער מלחמה־צײַט, די ספּעציפישע טראַגעדיע פון אַ ערד־לאָזען פאָלק, וואָס איז אַזוי בולט אַרויסגעוויזען געוואָרען אין דער מלחמה־צײַט, און באַזונדערס—די רוסלענדישע רעוואָלוציע—דאָס אַלץ האָט אָבגעטעמפּט דעם רצון פון פאָלק צו שאַפען, האָט אָפּגעשוואַכט די פאָלקס־איניציאַטיווע. ס'איז אָבער געקומען אַ מאָמענט, ווען דאָס אידישע פאָלק, ווי אַלע פעלקער אין רוסלאַנד, האָט זיך געהאַט ערוואַכט פון זײַן קאָשמאַרען ליטאַרגישען שלאָף, און וועלכען ער האָט זיך געפונען דאַ בעל כרחו. דאָס איז געווען אין די האָניג־טעג פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע. אין דער צײַט פון ערוואַכונג, צום זעלבסטשאַפען האָט דאָס אידישע פאָלק מיט שטאָלץ אויפגעהויבען דוקא די ווײַס־בלויע פאָן. ווײַל דאָס זעלבסטשאַפענדע פאָלק קען ניט געהן אויף קײן שום פּשרות. עס לײַדעט ניט קײן שום האַלב־און־אינמיט־

ווענלאך: אויפ'ן וועג פון זײַ שאַפען ווייס דאָס פאָלק נור אײן ריכט־ליניע — און דאָס איז די פאָלקאָמענסטע, די גאַנצע נאַציאָנאַלע שאַפונג!

דער ערוואַכונגס צושטאַנד האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט. די ווײַטערדיגע עוואָלוציע פון דער ריסלענדישער רעוואָליוציע האָט אַרײַנגעריפען יאוש און אומגליבען.

דעם אָרט פונ'ם פאָלק האָבען פאַרנומען פּאָליטיק־מאַכערס — און די רעזולטאַטען פון דעם בײַט האָבען זיך באַלד אַרויסגעוויזען: אַנשטאַט שאַפען — צערשטערונגען, אַנשטאַט רעוואָליוציע — רעאַקציע, אַנשטאַט דעם נאַטירליכען און קרעפטיגען גאַנג פון אַ פאָלק נאָר זיגזאַגען און שפּרונגען.

דער „מאַוור" האָט פאַרנומען דעם אָרט און אָנגעהויבען זײַן אַרבייט. און וואָס געהט אים אָן דאָס פאָלק? דער „מאַוור" האָט זיך זײַן רעוויז: „וואָס איז מיר העקובא, און וואָס בין איך איר?" פאַר אים איז דאָס פאָלק ניט מער ווי אַ שילד, אַ גראַמע ברעט, אויף וועלכע מ'קען מאָלען וואָס מ'וויל, אויפ'ן בעסטען איפּן — איז דאָס פאָלק פאַר אים ניט מער ווי אַ אינערטער גוף, וואָס איז געמאַכט געוואָרען פאַר כל־ערליי עקספּערימענטען. און נאָך אַלע זײַנע מעשים מיט אָט דער „מאַוור" אין נאָמען פונ'ם פאָלק, און וואָס געהט דאָס אים אָן, ווען די אמת'ע פאָלקס־אינטערעסען זײַנען ווײַט פון אים, ווי אַ פּײַל פונ'ם בויגען. דאָס פאָלק, דאָס הייסט, דער אינערטער גוף, וועט זײַן קאָפּ אײַנבויגען און איך וועל מיר מײַנע שוואַרצע מעשים ווײַטער טון — אָט דאָס איז דער הויפּט־יסוד פון דעם שוואַרצענס געדאַנקען.

III.

דער גורל פון די אַלע חאַמעלעאָנס, וואָס קליידען זיך אַזוי אָפט אין די פאָלקס־בגדים, האָט זיך באַזונדערס קלאָר אַרויסגעוויזען אויף דער זיצונג פון נאַציאָנאַל־ראַט פונ'ם 2־טען יוני.

מ'האָט געקענט לכל הדעות האָפען, אַז די וואָס שרײַען אַזוי אויף אַלע ווינקעלאַך וועגען דעמאָקראַטיזם און סאָציאַליזם, וועלען אויך אָנבויגען דעם קאָפּ פאַר'ן אַזוי קלאָר אַרויסגעשפּראָכענעם פאָלקס־רצון בעת די וואַהלען. ס'הייבט זיך אָבער גאָר ניט אָן! זיי, אָט די מאָנאָפּאָליסטען פונ'ם סאָציאַליזם און דעמאָקראַטיזם, האָבען דערזעהן אַ סכנה דוקא... אין דעם דעמאָקראַטיזם. און ס'הייבט זיך אַ סדרה פון „דעמאָקראַטישע „פאַלסיפיקאַציעס".

פרעגט ניט קיין קשיות: וואו איז דער דעמאָקראַטישער יושר? דער „מאַוור" האָט זיך זײַן יושר און זײַן דעמאָקראַטיזם. אַמאָל וויקעלט מען זיך אין אַ טלית פון די „ברייטע פאָלק־שיכטען", אַמאָל — מאַכט מען אויך אַ קאָמפּלימענט דעם אידישען רעאַקציאָנערען „חלעבאָראָב־אחדותניק", ווײַל אַלע וועגען פירען קיין רוים — און דערצו זײַנען אַלע מיטלען כשר, אפילו דער אָפּאָרטוניסטישער דעמאָקראַטיזם: ווי עס פּאַסט און ווי דער מאָמענט פאָדערט!

שווער איז דעם „מאַוור" זיך שיידען מיט זײַן פּאָזיציע, שווער ווי קריעת ים־סוף. און אַז עס קומט פאָרט דאָס לעבען און פאָדערט זײַנע רעכט, — זאָגט זיך דער „שוואַרצער" מיט זײַן הימלישער רוהיגקייט: זאָל די וועלט אונטערגעהן און איך בלײַב אויף מײַן אָרט! בפרט אַז צו דעם איז נאָך פאַראַן זעהר אַ געניטער מיטל: איך וועל זידלען, איך וועל שעלטען, איך וועל פאַרוואַנדלען די אײנציגע מלוכה־טריבונע פונ'ם אידישען פאָלק אין גלות אין אַ פּלאַץ פאַר טורנירען אין פּאַיאַצענשטיקלאַך.

און ווען די ציוניסטען זײַנען געקומען און אַראָפּגענומען די מאַסקע פונ'ם „מאַוור", האָט זיך מאַקע אַרויסגעוויזען דער אמת'ער פּרצוף זײַנער.

בעת די ציוניסטען האָבען פאָרגעלעגט דעם נאַציאָנאַל־ראַט דאָס פּראָגראַם פאַר'ן פאַרוואַלטער פון אידישען מיניסטעריום, אומאָפּהענגיג פון דער פּערזאָן, האָט דער „שוואַרצער מאַוור" אפילו ניט קיין ציטער געטאָן און האָט אויסגעגאָסען דאָס קינד צוזאַמען מיט דער וואַסער.

די ציוניסטען האָבען ענערגיש געטענט, אַז דאָס איז ניט דאָס ציוניסטישע פּראָגראַם, אַז די ציוניסטען האָבען נור אײן נאַציאָנאַלע שפּראַך, די העברעאישע, אַז די פאָדערונג פון די ציוניסטען, ס'זאָלען ניט געמאַכט ווערען קיינע באַגרענצונגען פאַר העברעאיש און אידיש אין די פאַרשידענע שולען איז נור אַ ותיר, אַ פּשרה, אויף וועלכער די ציוניסטען געהען אײַן אין אַ צײַט פון אַ נאַציאָנאַלער סכנה.

און ער, דער „שוואַרצער", וואָס שרײַט אַזוי אויף אַלע ווינקלאַך און אונטערגעסלאַך פון זײַן ריינקייט און דעמאָקראַטיזם האָט געענטפערט: נײן! איך וועל ניט שענקען קיין קוצו של יוד. באַגרענצונגען דאַרפען בלײַבען און העברעאיש מאָר ניט דערמאָנט ווערען!

און דאָס אַלין ווערט גערעדט אין דעם נאָמען פון די ברייטע אידישע פאָלקס־שיכטען! אין אַרץ אָפען, דרייסט, אָהן ברעקל פון חרפּה און בושה.

נאָך מער! דער „שוואַרצער" מאַוור האָט גאָר ערפינדען אַ נײַע המצאה: ס'ווײַזט זיך אַרויס, אַז ס'זײַנען דאָ צוויי אידישע פעלקער: אַ העברעאיש און אַ אידישיסטישע נאַציע (זעה „נײַע צײַט" № 100 כ"ד סיון), ווײַל אַנדערש האָט ער, דער מאַוור, ניט געקענט האַנדלען: באַלד ווי די ציוניסטען האָבען ערקלערט, אַז ניט אידיש, נאָר „אידישיזם" איז אַ סכנה, אַז אידיש איז ניט מער ווי דער גלות־זויערשטאָף, וועלכען מ'ג'ט אָטעמען אַ פאָלק, וואָס זײַן נאַטירליך אָטעמען איז צײַטווײַליג פאַרדאָרבען געוואָרען, — האָט דער „מאַוור" געמוזט געפינען אָט די מעפיסטאָפעלישע המצאה פון צוויי אידישע נאַציאָנען. און דערפאַר מאַקע דאַרף מען דאָך זעהן עס זאָל קיין שום זכר ניט בלײַבען פון דער „העברעאישער נאַציע" אין דער אידישער וועלט: זאָגט דער פאָרזיצער דאָס וואָרט „יושב־ראש", שרײַט דער „מאַוור" אויפ'ן קול: ניט „יושב־ראש", נאָר „פאָרזיצענדער".

אָט אַזוי שיצט דער „מאַוור" די פאָלק־שפּראַך! אָט אַזוי באַגעהט ער זיך מיט דער פאָלקסטימליכקייט פון מענדעלע'ס, שלום־עליכם'ס, פּרץ'ס שפּראַך! די, וואָס באַנוצען זיך מיט דער פאָלקס־שפּראַך אין איר אמת'ן פאָלקסגײַסט זײַנען די „העברעאיסטען־רוסיפיקאַטאָרען", און מיט זייערע גערמאַניזאַטאָרישע טענדענצען — זײַנען די שאָמרים פון דער אידישער פאָלקסטימליכקייט!

ס'איז אָבער כדאי צו באַצייכנען די וועגען פונ'ם „שחא־צענס" „פאָלקס־שאַפען". ס'איז כדאי אָנצוווײַזען, ווי אַזוי ער „בויעט" דאָס פאָלקס־לעבען בעת דאָס פאָלק אַליין שטעהט אין אַ זײַט.

IV.

באַזונדערס האָט זיך געפיהלט דער תהום צווישען פאָלק און „זיי" אין דער רעדע פונ'ם פּועלי־ציוניסטישען פאָרשטעהער, ה' זרובבל.

זיי, די פּועל־ציוניסטען, זײַנען די גאַנצע צײַט געגאַנגען האַנט בײַ האַנט מיט דעם אַנטיציוניסטישען בלאָק, אין זייערע אַרויסטרעטונגען סײַ כלפּי חוץ — אין דער צענטראַלער ראַדע — סײַ אין די אידישע נאַציאָנאַלע אַנשטאַלטען, האָבען די פאָרשטעהער פון פּועלי־ציון רוהיג און געהאָרכזאַם זיך געלאָזט פירען פון די קוואַליפיצירטע ציוניסטען־פרעסער, ווי דער בער אויפ'ן שטריק דורכ'ן ציגײַנער. אָפט אפילו געגען די אײגענע איבערצײַגונגען, אבי ניט צו ברעכען דעם פראָנט.

אין דאָ בעת ס'האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דער קולטורעלער אַרבעט פון אידישען מיניסטער האָט דער געוועזענער רעדאַקטאָר פונ'ם זשורנאַל „האחדות" אין ארץ־ישראל, דער ה' זרובבל, זיך אַנידערגעשטעלט אין אַ טראַגישער פּאָזע און גערעדט וועגען דער פּועלי־ציוניסטישער טראַגעדיע. די טראַגעדיע באַשטעהט אין דעם, וואָס די, וועלכע טראָגען אויך דעם נאָמען „ציוניסטען", — דער קלײנער הכשר בײַ קאַרל מאַקס אויפ'ן ציוניזם מאַכט ניט אויס — מוזען שטימען געגען דעם ציוניסטישען קולטור־פּראָגראַם, מוזען אָבוואַרפען אַ פּראָגראַם, וועלכע פאָדערט, עס זאָל ניט זײַן קיין באַגרענצונגען.

און דעם זײַטיגען צוהערער איז ווירקליך געווען שווער צו פאַרשטעהן, וואָס דאָס איז אַזוינס — אַ פּאָליטישער ודוי אָדער אַ פּאָליטישער צביעות.

נאָר אײנס האָט זיך אויף יענער זיצונג געפיהלט קלאָר: די אַלע קינצען און הויכפּאָליטיק מאַכערײַ מצד דעם „שוואַרצע" — ווערען דורך אים אָבגעטאָן גאַנץ רוהיג און געלאַסען. ווײַל: ווער עס האָט ליב אָהן אײַפער — שיידט זיך אָהן ליידען.

ש. האַמעלסקי.

אין אַ באַזונדער ווינקעלע.

„השלח", ירחון לספרות, למדע ולעניני החיים
כרך ל"ה, חוב. א—ב, שבט־ אדר תרע"ח.

פאַראַן אַזוינע גליקליכע מענשען, דערצו נאָך שריפטשטעלער, וואָס קענען אין סאַמע רעכטען קאָכען פונ'ם לעבען, אין דעם ברען פון די פּאָליטישע געשעהענישען, ווען ס'ווערען חרוב וועלטען און גרויסע פעלקער געהען אַראָפּ פון דער היסטאָרישער סצענע, — זיך זיצען אין זייער אָבגעזונדערט ווינקעלע און פאַרנעמען זיך מיט אַזוינע וויכטיגע זאַכען, ווי „ביצה שנולדה ביום־טוב". ערגיץ־וואו קאָכט דאָס לעבען, ווי אין אַ זודיגען קעסעל, ערגיץ־וואו גיסען זיך טײַכען בלוט, די אידישע וועלט לעבט איבער אפשר דעם שווערסטען חורבן פון זײַן גאַנצער היסטאָריע אין געוועזענעם רוסלאַנד, דאָס אידענטום, צובראָכען, צעריסען אויף באַזונדערע שטיקער, ליידט גלות און פּײַן, וועלכע דערמאָנען אונז די אַמאָליגע הײַדאַמאַטשינא; דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבען ווערט לחלוטין צעשטערט, חרוב ונחרב, פיל אידישע קהלות אינגאַנצען אויסגעקוילעט, פיל חשוב'ע אידישע כלל־טוער און געלעהרטע אומגעקומען — און אין דער אײגענער צײַט זיצען זיך קאַלטבלוטיג אידישע שריפטשטעלער און באַקלערען אַזוינע וויכטיגע לעבענס־פראַגען, ווי „רבי יצחק אבוהם מיט זײַן ספר מנורת המאור", „די גוט־באַזיצער און דער פּראָסטער המון אין אַנהויב פון בית שני"...

אמת, צוגעטראָפען צו דער צײַט?...

„דער „השלח" אַזוי זאָגט די רעדאַקציע אין'ם לײַט־אַרטיקעל פון דעם 200־טען העפט — איז ניט נתפּעל געוואָרען ניט פון דער ערשטער רעוואָלוציע (אין 1905־טען יאָר), ניט פון דער צווייטער (אין 1917־טען יאָר) און האָט ניט איבערגעהאַקט די מאָס פון די האָפנונגען אויף די רעוואָלוציעס, הגם

ער האט ניט געקאנט לחלוטין אחעקמאכען מיט דער האנט די גרויסע שנוים, וואס האבען מיט זיך מיטגעבראכט דער גאנצער וועלט, און אויך דער אידישער, די גרויסע היסטארישע געשעהענישען. דער „השלח" איז ניט געוואָרען קיין טעגליכע צייטונג, וועלכע ערשיינט מאנאטליך, ער האט איסגעמיידט פלוג ווענען „געשעהענישען, כלומרשט, וואס זיינען ניט מער, ווי א „קיקיון דיונה", וואס היינט האבען זיי אנגעמאכט „א שטורם אין א גלאז וואסער" און אויף מארגען האט מען זיי לחלוטין פארגעסען. דער „השלח" איז אבער אויך ניט געווארען קיין „ספר", וועלכער ערשיינט מאנאטליך: א ווירקליך וויכטיגע געשעהעניש האט אין „השלח" שטענדיג געפונען אן אפקלאנג".

אז דער „השלח" איז ניט קיין „ספר, וועלכער ערשיינט חודש'ליך" איז א ווירקליכער באווייז מאקי דאס יובילעאום-העפט גופא, פון וועלכע מיר האבען געבראכט די אויבענדערמאנטע שטעלען. דאס העפט באשטעהט פון 120 זייטען, און בלויז 22 פון זיי זיינען פארנומען מיט צייט-פראגען, וועגען רעוואלוציאנס-יאר און וועגען „נקמה". די איבעריגע העכער הונדערט זייטען זיינען פול מיט אזוינע וויכטיגע ענינים פאר'ן איצטיגען מאמענט (דאס העפט איז ערשינען אין פעווראל), ווי די דראמא „האושר" פון ד"ר קלאטשקא, די פאעמא „לילית" פון אליהו מיטוס, „אין בילדער-סאלאן"— פון בר-טוביה, „א פידעל מיט אסך סטרונעס"—פון זינא ראבינאוויטש און נאך אנדערע וויכטיגע זאכען, וועלכע האבען געקאנט זיין געדרוקט סיי שפעטער מיט צוויי יאר, סיי פריהער מיט דריי יאר.

וויכטיגער פון אלץ, געוועהנליך, מוז זיין דער ארטיקעל וועגען דער רעוואלוציע, אדער, ריכטיגער, וועגען די רעוואלוציעס פון פארגאנגענעם יאר. דאס ארטיקעל איז געשריבען געווארען פון ד"ר קלויזנער, אלס א השקפה וועגען די פאליטישע געשעהענישען אין פארגאנגענעם שטורעמדיגען 1917 יאר. „באוועגונגען, אזוי ווי געדאנקען—מיינט ה' קלויזנער—מוזען אינטערגעהן צוליב אינוויינגסטע סתירות, די גרויסע רוסישע רעוואליציע האט געהאט א פאלשען יסוד. די רעוואליציע האבען געמאכט ניט די סאציאליסטישע פארטייען, וועלכע האבען שוין פון 1905-טען יאר באוויזען סמנים פון פאלקאמער ציפוילקייט און וועלכע זיינען גראד צום מאמענט פון דער איבערקערעניש געווען אינגאנצען צושלאגען. די הייפט-ווירקענדע כחות פון דער איצטיגער רעוואליציע האבען גראד געהערט צו די ליבעראלע שיכטען פון דער רוסישער געזעלשאפט, באזונדער פון די קאדעטען. די ניט געגליקטע מלחמה האט זיי אלעמען געעפענט די אויגען און זיי האבען זיך איבערצייגט, אז דער אלטער רעזשים טויג ניט, אז ער וועט ניט מיטברייננען קיין נצחון, ווייל ער איז ניט באליבט ביים פאלק, וואס באטייליגט זיך כלל ניט אין דער גרויסער פאלקס-ארבייט לטובת דעם קעמפענדען לאנד. אויף אזא אופן האט די רעוואלוציע געמוזט קומען ניט אלס א רעזולטאט פון א סאציאלער איבערקערעניש אין א וועלכער ס'ניט-איז פארם, ניט צוליב דער איינגערעכטקייט פון פאלק נעגען דעם איסרעכט, די רדיפות און די פארפאלגונגען, וועלכע האבען געוועלטיגט אין גאנצען לאנד, נור צוליב א פאטריאטישען געפיהל"...

ה' קלויזנער רעכענט אויס א צעטל פון „אינוויינינגסטע סתירות", וועלכע זיינען, לויט זיין מיינונג, געווען די הייפט-סבות, פארוואס די רעוואלוציע איז געגאנגען צו גרונד און דאס גרויסע רוסלאנד איז צופאלען געווארען אויף שטיקלעך,—צווישען זיי די גרעסטע סתירה, וועלכע ס'האט ארויסגעוויזען די צייטווייליגע רעגירונג מיט קערענסקי'ן בראש אין דער אוקראינישער פראגע.

„וואס-זשע האט דאס רעוואלוציע-יאר מיטגעבראכט מיט זיך אונז, אידען?—שטעלט ה' קלויזנער די פראגע. דאס רוסישע אידענטום, ווי א טייל פונ'ם וועלט-אידענטום, האט געשטרעבט צו דריי זאכען: צו א פאלקאמער גלייכבארעכטיגונג אין רוסלאנד, פינלאנד און רומעניען, צום דערגרייכען א נאציאנאלע גלייכבארעכטיגונג אין דעם ארט, וואו ס'איז דא א גרויסער אידישער קיבוץ און צו אויטאנאמיע אין דער אלטער אידישער היים אין ארץ-ישראל. די אלע שטרעבונגען זיינען אין דעם יאר ערפילט געוואָרען, אבער ניט פאלקאם.

לויפענדיג, איבערפלעכליך, דרך אגב, ווי ס'וואלט כלל ניט געווען וויכטיג זיך אפצושטעלען דערויף, געהט, אדער ריכטיגער, פליהט איבער ה' קלויזנער די גאנצע לאנגע, ברייטע געשיכטע פונ'ם רעוואלוציאנס-יאר, וועלכער וועט אין אונזער היסטאריע געווים פארנעמען א פיל ברייטער ארט, ווי אין איינציגען אידישען מאנאטליכען — „זשורנאל פאר ליטעראטור, וויסענשאפט און אידישע אנגעלעגענהייטען"...

ס'וואלט געווען א זינד נעגען אמת צו זאגען, אז מיט ה' קלויזנער'ס ארטיקעל לאזט זיך אויס די פובליציסטיק פון „השלח". ס'איז דא נאך אן ארטיקעל פון א. ליטאי „אויב ומתנקם" („דער פיינד און דער נקמה-נעמער"), אין דעם ארטיקעל ווערט באהאנדעלט א זעהר ערנסטע, בייסענדע פראגע וועגען דעם, ווי אזוי מיר אידען, וועלכע האבען מער פון אלע געליטען אין געוועזענעם רוסלאנד, דארפען זיך פארהאלטען צו דעם אומגליק, צו די

שרעקליכער קאטאסטראפע, וועלכע איז פארגעקומען פאר אונזערע אויגען. דאס גרויסע רוסלאנד, וועלכעס האט פארנומען א זעקסטע חלק פון גאנצען ערד-קוגעל, איז צופאלען געווארען, צוברעקעלט געווארען אויף קליינע טיילען, וועלכע וועלען געווים אזוי גיך שוין ניט צוזאמענגעבונדען ווערען. מיר שטעהען פאר א שרעקליכער, טראגעדיע אין דער וועלט-היסטאריע: איינע פון די „גרויסע מלוכות" איז ניט נור צופאלען אויף קליינע שטיקלאך, ניט נור געווארען אויס „גרויסע מלוכה", נאר געווארען בכלל אויס מלוכה, אויס מלוכה אין דעם זין, ווי ס'איז אנגענומען צו פארשטעהן א מלוכה מיט א פעסטער מאכט, מיט עקאנאמישע און קולטורעלע אוצרות, מיט אייזענבאנען, וואסער-וועגען און מיט די רעאלע קרעפטען, וועלכע פארשטארקען די מאכט. דאס גרויסע רוסלאנד, צו וועמענס שטים אין אלגעמיינעם וועלט-קאנצערט מען האט זיך אזוי אויפמערקזאם צוגעהערט, האט אויפגעהערט איינגאנצען צו עקזיסטירען אלס א מלוכה, מיט וועלכער עמיצער זאל זיך מוזען און וועלען רעכענען אלס מיט א געוויסער פאליטישער קראפט. איז דען באמת מעגליך נאך א גרעסערער אומגליק פאר א לאנד, וואס ווערט אויסגעמעקט פון צעטל, וועלכעס נאך אזא גדולה, נאך אזא מין גרויסקייט ווערט א „יורד" פון דער לעצטער מדרגה, מיט וועלכען מען הערט בכלל אויף זיך צו שעמען, בנוגע צו וועלכען מען מעג זיך ערלויבען אלץ, וואס ביי אנדערע באדינגונגען וואלט מען זיך אויף קיין פאל ניט ערלויבט אפילו בנוגע צו פערסיען, צו טערקיי? איז דען נאך מעגליך א שרעקליכערע טראגעדיע צו ווערען מיט אמאל פון א ערשט-קלאסיגער מלוכה מיט א וועלט-ווערט א מין מלוכה, מ'שטיינס געזאגט, מיט וועלכער זאגאר טערקיי הערט אויף זיך צערעמאניען? שרעקליכער פון אלעם איז אבער דאס, וואס די מורא'דיגע טראגעדיע, וועלכע האט זיך אפגעשפילט אין רוסלאנד, רופט ניט ארויס קיין שום געפיהלען פון בזיון, פון נאציאנאלער אויפרעגונג. אדרבה, די שרעקליכע נאציאנאלע קאטאסטראפע האט אין פיל טיילען פון געוועזענעם רוסלאנד ארויסגערופען אזוינע געפיהלען, וועלכע זיינען גאנץ נאהענט צו נקמה.

ה' ליטאי ווייזט אן, אז די אלע רדיפות, אלע ערנידעריגונגען, וועלכע ס'האבען געליטען אין געוועזענעם רוסלאנד אלע פארקנעכטעטע פעלקער, וועלכע ס'איז אויסגעקומען צו לעבען, מ'שטיינס געזאגט, אונטער דער ממשלה פון די רוסישע דעספאטען— זיינען גלייך ווי נארניט אין פערגלייכען דערמיט, וואס ס'איז אויסגעקומען צו איבערלעבען אונז, דעם לעצטען דור פון פאליטישער פערשקלאפונג און דעם ערשטען פון בירגערליכער בעפרייאונג, אונז, די אור-אייניקלאך פון די קאמער-קנעכט, וועלכע זיינען יארען לאנג געווען פארשפארט אין די מויערען פון דער גהעטא אין דייטשלאנד, מיר די אור-אייניקלאך פון די מה-יפית-זינגער ביי די פוילישע פריצים. מיר זיינען אזוי ווייט, אזוי טיף פארזונקען אין שרעקליכען גלות, אויף אזוי פיל האט זיך דאס גלות-שקלאפעריי איינגעווארצעלט ביי אונז, איינגעזופט אין אונזער בלוט, אויף אזוי פיל האבען מיר פארלוירען דעם עלעמענטארען מענשליכען עהרגעפיל, אז מיר האבען אנגעווערען די קראפט צו פילען, צו משיג זיין די טיפקייט פון דער שרעקליכער שקלאפעריי, אין וועלכער מיר זיינען פארזונקען, מיר האבען אויפגעהערט צו פילען די שאנדע, די חרפה פון אונזערער נידעריגקייט, פון אונזער פארקנעכטשאפט. נור אין אויסשליסליכע פאלען, ווען די שרעקליכע בייטש האט שוין דערלאנגט ביזן לעב, בוכשטעבליך ווען מיר האבען שוין דערפילט די קלעפ ממש אויפ'ן רוקען, דעמאלט פלעגען מיר שוין אנהויבען צו פילען די שווערע צייט פון דער פארקנעכטשאפט אין דעם עול, די גאנצע טיפקייט פון גלות. די פאגראמען, צענדליגער און הונדערטער געהרג'עטע, קליינע קינדער צוריסענע מיט זייערע מוטערס אויף שטיקלאך,—אזוינע צופאלען האבען נאך געקאנט לאזען אונז ערציטערען און נויטען צו עפענען די אויגען.

ס'וואלט געווים ניט געווען וואונדערליך, ווען נאך די גרויסע פארגנינגענס, וועלכע מיר האבען געהאט אין דער צארישער מלוכה, אז מיר אידען, זאלען אויך דערפילען ביי זיך א שטארקען מעכטיגען געפיל פון נקמה צו דער אבזורישער אויפפירונג מיט אונז, אז ביי אונז זאל זיך דערוועקען א געפיל פון נקמה צו דעם לאנד, וועלכען מיר מעגען האבען די פולע רעכט צו זאגען מיט א נקמה-געפיל: „על דאטפט-אטפוך!" דו האסט זיך דורות לאנגע געבאדען אין אונזער בלוט, דו האסט אונז פער'סמט דאס לעבען, אפגעריבט ביי אונז אלע מענשען-רעכט, איצט ליגסט דו אליין נידער, איצט ביסטו אליין אזוי טיף געפאלען... אבער ה' ליטאי מוז פעסטשטעלען אזא וואונדערליכען פאקט: „מיר מוזען זיך מודה זיין—זאגט ה' ליטאי,— אז דער כלל-איד, דאס גאנצע פאלק, א.ע. זיינע פארשידענע קלאסען, סיי די געבילדעטע, סיי דער המון, ציוניסטען, נאציאנאליסטען, בורזשועי, סאציאליסטען, אידען בעלי-בתים און גלאט אידען אלע זיינען שטארק בעצארענט, אלע לעבען איבער א שרעקליכען צער, א טיפען וועהטאג, אנ'ערנסטען צער, וועלכער שטאמט פון טיפען הארצען, אויף דעם חורבן פון רוסלאנד און דערויף, וואס דאס

גרויסע רוסלאנד איז צובעקעלט געווארען אויף אזוי פיל שטיקלאך.

ס'מיז דערין זיין עפעס א באזונדער סוד, א בעזונדער איינגענשאפט פון אונזער פאלק, וועלכעס האט שוין פארגעסען אלע קלעפ פון צארישען רעזשים, אלע צרות. וואס איהם איז אויסגעקומען אויסצושטעהן ביים רעזשים פון בלוט, ביים רעזשים פון פאגראמען.

די אומבארמהערציגע היסטאריע אבער — ענדיגט זיין געדאנק ה' „ליטאי"—דער איבער־ריכטער, וועלכער ווייסט ניט פון קיין שום פניה, פון קיין שום חניפה, די היסטאריע קאן ניט שווייגען גארניט. אנדערע פעלקער, וועלכע לעבען ביי זיך אנדערע פאליטישע בעדינגונגען, האבען פון זיך ארויסגעגעבען מיצקעוויטשעס, ווערהארנס און מעטערלינקס, געטרייע זין פון זייער פאלק, וועלכע האבען מיט גדלות, מיט שטאלץ געטראגען זייער נאציאנאלע פאהן און האבען זיך מיט שטאלץ אנגענומען זייער פאלקס־קריוודע; מיר האבען אזא זכיה ניט געהאט און מיר האבען געקאנט דערווייזען ארויסגעבען פון זיך נור טראצקיס מיט לארינס, וועלכע זיינען זיך אויך ניקס פאר זייער פאלק, פון וועלכען זיי זענען שוין לאנג אוועק, נור אלס שלוחים פון דער אכזריות־דיגער היסטאריע, וועלכע דערלאזט ניט קיין שום אומרעכט...

מיר האבען זיך אזוי גענוי אפגעשטעלט אויף די צוויי ארטיקלען ניט דערפאר, ווייל זיי זיינען עפיס אויסערארדענטליכע, ווייל מיר האבען דארט געפונען עפים חרושים, נור פשוט, ווייל זיי זיינען די איינציגע, אין וועלכע ס'לאזט זיך הערען דער לעבענס דופק, וואו ס'הערט זיך אן אפקלאנג דערפון, וואס מיר אלע האבען איבערגעלעבט און איבערגעקלערט פאר דער לעצטער צייט — אלע איבעריגע ארטיקלען פון „השלח", ווען אויפ'ן שער זאל ניט שטעהען דאס יאר מיט'ן חודש, וואלטען געקאנט זיין געשריבען און געדרוקט פריער מיט צוויי יאר ווי אויך שפעטער מיט צוויי יאר, ווי אויך שפעטער מיט צעהן יאר. די אלע איבעריגע העכער הונדערט עמודים פון „השלח" זענען אנגעפולט מיט אזא סארט מאטעריאל, וועלכער דערווייזט, אז די מחברים זיינען מענשען, וואס זיצען אין א בעזונדער ווינקעלע, ווייט פון אונזער לעבען, ווייט פון אונזערע וועהטאגען און צרות, וועלכע זיינען זיי להלוטין פרעמד.

ערגיץ וואו קאכט דאס פאליטישע לעבען, ס'גיעהען אינטער גאנצע גרייסע מדינות, ס'ווערען פארלוירען גאנצע פאליטישע שטית, ס'קערען זיך וועלטען—און אונזערע בעסטע שריפט שטעלער זיצען זיך אין א בעזונדער, בעראלטען ווינקעלע, ווי מענשען לאי טעלמא דין און שרייבען גאנץ רוהיג וועגען ר' יצחק אבוהם און „מנורת המאור", וועגען קונסטלער־סאלאן, וועגען פאעזיע און קריטיק און כדומה ווילטיגע און איבערהויפט צו דער צייט צוגעטראפענע זאכען... דאס איז א זשורנאל פון „לעבענס־אנגעלעגענהייטען".

גליקליכע מענשען!..

י. רויטבערג.

פון דער פינסטערער פארגאנגענהייט.

II.

(ארום דעם ביילים־פראצעס).

אסך מאטעריאל און אויפרעגונג האט פארשאפט דער רוסישער רעגירונג דער ערות קאראַיעוו. ווי באוואוסט האט מען קאראַיעוו'ן ארויסגעשיקט פון יעניסייסקער גובערניע, וואוהין ער איז געווען פריהער פארשיקט. נאר אין וועג האט מען אים פארהאלטען. דעם 20טען סענטאבר האט מען אין פאליציי־דעפארטאמענט צוגעשטעלט א געעפענטען זאקאזנעם בריף פון קאראַיעוו'ען צו קראסקאייסקי'ן, אין וועלכען קאראַיעוו שרייבט, אז ער האט באשלאסען זיך אליין צו מעלדען אין געריכט, ווייל ער איז זיכער אז דאס געריכט וועט אים ניט ארויסרופען. וועגען אט דעם בריף איז געמעלדעט געווארען מאקלאקאוו'ן, וועלכער האט אנגעשריבען פאלגענדע רעזאלוציע: „קאראַיעוו'ס בריף ניט איבערשיקען און טעלעגראפיש פארלענגען צו ארעסטירען קאראַיעוו'ן, אלס אנ'אנטלאפענעם פון פארשיקונג אומאבהענגיג פון ביילים'ס פראצעס.

דעם 5 אקטיאבר באקומט דיאטשענקא פון דעם פאליציי־דעפארטאמענט א טעלעגראם מיט דער מיטטיילונג, אז קאראיעוו'ן האט מען פארהאלטען, אז ער איז געוועזען א „מיטארבעטער" פונ'ם פאליציי־דעפארטאמענט נאר נישט קיין ערהליכער, אז וועגען דעם דארף מען מודיע זיין דעם פראקוראר פון דער געריכט־פאלאטע, און אויב מ'דארף קאראיעוו'ן איצט צושטעלען קיין קיעוו, כדי דערנאך ערקלערען וועגען זיין מיטארבעטערשאפט און אזוי ארים שיאך מאכען דעם מאטעריאל פון דער פארטיידיגונג—זאל דער פראקוראר טעלעגראפירען.

דעם 6 אקטאבער טעלעגראפירט טשאפלינסקי אין פאליציי־דעפארטאמענט: „די פראקוראטור דארף קאראיעוו'ן נישט האבען. איך בעט וואס גיכער ארויסשיקען אירקוטסק'ן". נאר דעם 7 אקטאבער טעלעגראפירט דיאטשענקא, אז נישט קוקענדיג אויף דער מיינונג פון דער פראקוראטור ווינשט זאמיסלאווסקי, אז מ'זאל פארט ברייננען קאראיעוו'ן.

אט די קאליזיע איז אנטשיידען געווארען דורך מאקלאקאוו'ס רעזאלוציע.

„ס'איז גאר ניט נויטיג באזונדערס צו באַמיהען זיך, אז קאראיעוו זאל זיין אין קיעוו. דאס איז דעם געריכטס עסק".

ווי באוואוסט האט מען טאקי קאראיעוו'ן קיין קיעוו ניט געבראכט.

ס'איז אויסגעקומען אסך דורכצושרייבען זיך אויך וועגען ערות מאחאלין.

דיאטשענקא האט מודיע געוועזען ביעלעצקי'ן, אז מאחאלין האט באשטעטיגט דעם פאקט וועגען דעם, וואס סינגאיעווסקי האט זיך אים מודה געוועזען, אז יושטשינסקי'ס מארד איז פארגעקומען דורך דריי גנבים אין דער וואוינונג פון ווערא טשעבעריאק,— אז דאס ערות־זאגען פון מאחאלינען צוזאמען מיט קראסאווסקי'ס ערות־זאגען האבען געגעבען א שטארקען קלאפ דער באשולדיגונג,— אז דער פארזיצער באלדירעוו, די פראקוראטור און זאמיסלאווסקי זיינען איבערצייגט אין דעם, אז מאחאלין איז געווען איוואנאוו'ס א מיטארבעטער, — אז זאמיסלאווסקי איז אויפגערעגט און פארערט, אז מאחאלין'ס פארגאנגענהייט זאל אויפגעדעקט ווערען דורך איוואנאוו'ן.

מאקלאקאוו, צו וועלכען ביעלעצקי האט זיך געווענדעט נאך „אנווייזונגען אין די אינטערעסען פון געהעריגען משפט", האט געפונען פאר מעגליך, אז דער פארפאלקאווניק איוואנאוו, אויב מ'וועט אים שטעלען אין געריכט פראגען וועגען מאחאלינען, זאל ערקלערען וועגען דער מיטארבעטערשאפט פון מאחאלינען אין דער געהיימער פאליציי, נאר דערצו אנווייזען, אז די זשאנדארמען־אפטיילונג האט זיך אבגעזאגט פון זיין דינסט, ווייל מאחאלין איז ניט געווען ערהליך אין געלט־זאכען.

פינדעסטוועגען האט דיאטשענקא אין הסכם מיט שרעדעל'ן (דער נאטשאלניק פון קיעווער זשאנדארמען־פארוואלטונג) באשלאסען ניט אויפצודעקען מאחאלין'ס מיטארבעטערשאפט.

כדי צו בארוהיגען זאמיסלאווסקי'ן האט די זשאנדארמען־פארוואלטונג איבערגעגעבען דער פראקוראטור ידיעות וועגען דעם, אז די אידען האבען אונטערגעקויפט מאהאלינען, קראסאווסקי'ן און בראזילן.

דעם 12 אקטאבער האט דיאטשענקא טעלעגראפירט: „זאמיסלאווסקי האט זיך בארוהיגט. ניט דערציהלענדיג זאמיסלאווסקי'ן וועגען מאחאלין'ס טעטיגקייט האט זיך איינגעגעבען אים איינצורעדען אבצואזאגען זיך פון דער פארטיידיגונג אז פארפאלקאווניק איוואנאוו זאל איינפירען מאחאלין'ס מעשים".

דעם 14 אקטאבער האט דער ערות איוואנאוו געגעבען זיינע ערקלערונגען, וועלכע דיאטשענקא האט אין א בריף אנגערופען „אויסגעצייכענטע". ער האט קאמפראמעטירט דאס ערות־זאגען פון קראַסאווסקי'ן און האט באפעסטיגט די פאזיציע פון דער באשולדיגונג.

דעם זעלבען טאג האט דיאטשענקא טעלעגראפירט ביעלעצקי'ן: „דער פארפאלקאווניק איוואַנאוו האט געגעבען קארעקטע, ווערטפולע פאר דער באשולדיגונג ערקלערונגען... זיינע אמת'ע באוויזען האבען א ערנסטע באדייטונג פאר'ן פראצעס; זיי הויבען אויף די שאנסען פון דער באשולדיגונג. זאמיסלאווסקי און די פראקוראטור זיינען זעהר צופרידען מיט די ערקלערונגען פון איוואנאוו'ן. דאס איבערזעגען פון די ערות איז פארענדיגט. די באווייזען געגען ביילים'ען זיינען שוואך, די באשולדיגונג איז אבער אנגערעגעשטעלט פעסט; פון דער גרויער באשטאנד (סאסטאוו) פון די געשווארענע ריכטער קאן ארויסטראגען א באשולדיגונגס־אקט צוליב דער פעלקער־שנאה".

די גאנצע האפנונג איז, אלזא, געווען אויף דער פעלקער־שנאה. און אויף די קיעווער באראטונגען איז באשלאסען געווארען צו דערשלאגען זיך, אז מען זאל לכל הפחות אנערקענען דעם פאקט, אז ס'איז געווען א ריטועלער מארד, דערביי קאן מען אפילו דערלאזען אז ביילים זאל פרייגעשפראכען ווערען.

אט וואס לובימאוו האט געשריבען ביעלעצקי'ן: „דאס ערנסטע פאר די פארטיידיגער וועט זיין, ווען די געשוואוירענע ריכטער וועלען אנערקענען, אז ס'איז געווען א ריטועלער מארד און וועלען ביילים'ען פריישפרעכען. אזוי ארום וועט די לעגענדע, אז אידען באנוצען בלוט, באקומען אנ'אפיציעלע אנערקענונג. פאר די אידען איז דער עיקר וויכטיג דער בלוט־בלבול. ביילים אליין איז פאר זיי ניט אינטערעסאנט; בלויז כדי אים צו פארטיידיגען וואלטען זיי ניט נעגעבען גרוזענבערגען 30000 רובל, קאראבטשעווסקי'ן 25000 און צו 100000 רובל יעדערן פון זיי אין פאל ווען די אידען וועלען איננאנצען באפרייט ווערען פון דער באשולדיגונג אין בלוט־בלבול."

די געשוואוירענע ריכטער אליין זיינען געווען נוטה פריינצושפרעכען ביילים'ען. דעם 19 אקטאבער טעלעגראפירט דיאטשענקא: „די זשאנדארמען, וואס היטען די געשוואוירענע ריכטער, געבען איבער, אז די לעצטע רעדען צווישען זיך, וויאזוי קאן מען משפט'ן ביילים'ען, אז אין געריכט רעדט מען נאר פון אים גארנישט".

די איינדריקען פונ'ם צייטען פאליציאישען

אנענט, לובימאָוו'ן, זײַנען די ערשטע צײַט אויך געווען פּעסימיסטישע. אין זײַנע בריף זײַנען פאַראַן אַ סך אינטערעסאַנטע ידיעות.

„די פאַרטיידיגונג, איבערהויפּט זאַרודני, פאָדערט אַרײַנצוטראָגן אין פּראָטאָקאָל יעדער אומפּאָרזיכטיג וואָרט פונ'ם פּראָקוראָר. דאָס נערווירט שטאַרק דעם פּראָקוראָר, וועלכער טרינקט אימליכע רגע וואַסער, מאַכט נערוועזע מיט די הענט און זיצט ניט אײַן רוהיג אויפ'ן בענקעל. די פאַרטיידיגונג האָט אים געבראַכט צו אַ צושטאַנד פון אַ „שאינו ברעונשין" (נערוועניאיזמאָכטן). און ס'איז ערשט דער 4 טאָג פון פּראָצעס, וואָס ווײַטער וועט זײַן איז שווער פאָראויס־צוזאָגן... דער פּראָקוראָר פאַרלירט אָפט די זעלבסטבאַהערשונג און הויבט אָן צו מאַכן די ערווידערונגען מיט אַ העכערן טאָן, ער ערלויבט זיך צו שרײַען אויף די עדות, לאָזט זיי ניט רעדן אוי, שטענדיג איבעררײַסענדיג זיי, רעדט ער אַליין אין נאָמען פון די עדות."

ווײַטער ווײַזט אָן לובימאָוו אויף דעם, „אַז די ערשטע טעג האָט זיך געדוכט, אַז מען משפּט ניט פּריהאָדקאָ'ן, טשעבעריאַק און בײליסען, נאָר די קיעווער פּאָליציי. פאַר דעם פּראָצעס האָט מען קיין וויכטיגע ידיעות ניט באַקומען, אָבער אַ שלעכטער אײַנדריק פון די פּאָליציי'אישע מעשים איז איבערגעבליבן."

אין אַ צווייטען בריף שרײַבט לובימאָוו, אַז באָלדירעוו האָט ערב דעם פּראָצעס דורכגעמאַכט אַ קורס פון הידראָפּאַטיע און ער פירט דעם פּראָצעס גוט. דער פאָרזיצער פירט אָן קונציג מיט דער אויפמערקזאַמקייט פון די געשוואָרענע ריכטער און ראַטעוועט די עדות פון די אָנפאַלען מצד דער פאַרטיידיגונג. „ווײַפּער איז אַ געניטער מענש און האָט באַוויזן צו באַזײַטיגן די גאַנצע אינטעליגענץ און דורכדעם געבראַכט אין אַ געוויסע פאַרלעגנהייט די פאַרטיידיגונג. און דאָך בין איך טיף איבערצייגט, הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן, אַז בײליסען וועט מען פרײַשפּרעכען. זעהר צווייפעלהאַפט איז דער סטאַרשינאַ מעלניקאָוו."

די גאַנצע האָפנונג פון לובימאָוו'ן איז אויף פּראַנאַיטיסען, בײַ וועמען עס זײַנען צוגעגרייט „ערשיטערנדע אַרגומענטען".

די עקספּערטיזע האָט אָבער צושטערט לובימאָוו'ס האָפנונגען.

„פּראַנאַיטיסעס עקספּערטיזע האָט צו דער גרויסער שמחה פון די אידען נישט געמאַכט קיין שטאַרקען אײַנדריק. צו זײַן דורכפאַל האָבען אַ סך מיטגעהאָלפען דער פּראָקוראָר און שמאַקאָוו. דער ערשטער קאָן בכלל ניט שטעלען קיין פראַגען און ווערט זעהר אויפגערעגט, דער לעצטער האָט גענויטיגט פּראַנאַיטיסען אָדער שווײַגען אָדער צו ענטפערען, אַז ער ווייס ניט.

„וועגען בײליסען האָט מען פאַרגעסען. אַצינד געהט אַ גענעראַל־שלאַכט צווישען דעם אַלוועלטליכען אידענטום און דער רוסישער רעגירונג. דאָס איז קלאָר פאַר אַלעמען. איך פּערזענליך גלייב, אַז דער משפּט וועט זײַן ניט לטובת די אידען".

דעם דאָזיגען בריף לובימאָוו'ס האָט בעליצקי איבערגעשיקט שטשעגלאָוויטאָוו'ן.

דעם 26 אָקטאָבער שרײַבט שטשעגלאָוויטאָוו בעליצקי'ן: „איך דאַנק אײַך הערצליך וואָס איר האָט מיר ליבענסווירדיג צוגעשיקט לובימאָוו'ס בריף. כ'האָב מורא, אַז זײַן האָפנונג וועט ניט מקוים ווערען. די אידען וועלען מסתמא זיך דערפרייען."

(המשך קומט)

ל. אלין.

◆

דער קריזיס פון דער אידישער אווטאָנאָמיע.

די נאַציאָנאַלע מיניסטעריומס.

דעם 2־טען יוני איז פאָרגעקומען אַ באַראַטונג וועגען ליקווידירען די נאַציאָנאַלע מיניסטעריומס. אין דער באַראַטונג האָבען אָנטייל גענומען דער געהילף פון מלוכה־סעקרעטאַר ה' ראָמאַנאָוו און די פאָרשטעהער פון דעם אידישען, גרויסרוסישען און פּוילישען נאַציאָנאַלע מיניסטעריומס.

דער מלוכה־פאָרשטעהער האָט געמאַכט אַ מיטטיילונג, אַז אַזוי ווי עס איז באַשלאָסען געוואָרען ליקווידירען די נאַציאָנאַלע מיניסטעריומס לעגט ער פאָר, אַז די פאָרשטעהער פון די נאַציאָנאַלע מיניסטעריומס זאָלען זיך אַרויסזאָגען וועגען דער דאָזיגער פראַגע.

די פאָרשטעהער פון די נאַציאָנאַלע מיניסטעריומס האָבען מודיע געווען, אַז אַזוי לאַנג ווי דער פּרינציפּ גופא פון נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אווטאָנאָמיע איז ניט אָפּגעשאַפט געוואָרען, קאָן מען אַפילו ניט רעדען וועגען דעם, אַז זיי זאָלען מסכים זײַן אויף אָפּשאַפען די נאַציאָנאַלע מיניסטעריומס. די פראַגע דאַרף באַהאַנדעלט ווערען אין

די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונגען און ביז דאַן דאַרף מען באַשטימען פאַרוואַלטערס איבער די דאָזיגע מיניסטעריומס. דערבײַ האָבען די נאַציאָנאַלע פאָרשטעהער באַקאַנט געמאַכט דעם מלוכה־פאָרשטעהער מיט דער גרויסער און נוצליכער טעטיגקייט פון די נאַציאָנאַלע מיניסטעריומס.

עס איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז די נאַציאָנאַלע מיניסטעריומס זאָלען צושטעלען דעם מלוכה־פאָרשטעהער ביז מיטוואָך, דעם 5־טען יוני, אַ שריפטליכע מיטטיילונג.

דער פּרעזידיום פונ'ם אידישען נאַציאָנאַל־ראַט האָט שוין אויסגעאַרבייט אַ מעמאָראַנדום און אים צוגעשטעלט דעם געהילף פונ'ם מלוכה־סעקרעטאַר ה' ראָמאַנאָוו.

אַן אָנפראַגע.

דער געהילף פונ'ם מלוכה־סעקרעטאַר ה' ראָמאַנאָוו האָט זיך געווענדעט צום אידישען מיניסטעריום מיט דער בקשה מיטצוטיילען אים דעם נאָמען פונ'ם פאָרזיצענדער פונ'ם אידישען נאַציאָנאַל־ראַט, זײַן אַדרעס און באַשעפטיגונג. לויט דער מיינונג פון די דירעקטאָרען האָט די רעגירונג בדעה צו באַשטימען די פאָרזיצענדערס פון די נאַציאָנאַל־מיניסטעריומס פאַר פאַרוואַלטערס פון די מיניסטעריומס.

נאַציאָנאַל־ראַט.

די זיצונג פונ'ם 2־טען יוני איז אַדורך אומגעהייער שטורמיש. אַלע פראַקציעס האָבען מאָביליזירט זייערע בעסטע קרעפטען און ס'איז פאָרגעקומען אַ גענעראַל־שלאַכט צווישע בײדע קעמפענדע צדדים. די זיצונג האָט זיך געענדיגט אָהן שום רעזולטאַט: קיין מיניסטער האָט מען ניט אויסגעקליבען, ווייל די באַציאַליסטען האָבען גרויסשטיגעריש אַנטוויקעלט זייער סאַבאָטאַזש־טאַקטיק.

אין אָנהויב פון דער זיצונג האָט ה' **הינדעס** אין נאָמען פון דעם פּרעזידיום מיטגעטיילט וועגען דער באַראַטונג פון דעם פּרעזידיום מיטגעטיילט וועגען דער באַראַטונג, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען מיט די פאָרשטעהער פון גרויסרוסישען און פּוילישען נאַציאָנאַל־ראַטען. די באַראַטונג האָט ניט געבראַכט צו קאָלעקטיווע שריט אויף ראַטונג די נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע און די נאַציאָנאַלע מיניסטעריומס. אין גרויסרוסישען נאַציאָנאַל־ראַט איז שוין אויסגעקליבען אַ פאַרוואַלטער פון מיניסטעריום.

דער ערשטער פּונקט פונ'ם סדר־היום איז די פראַגע וועגען אידישען מיניסטעריום און די וואַהלען פון אַ פאַרוואַלטער.

אין נאָמען פון דער ציוניסטישער פראַקציע לייענט פאָר ה' **ברייטמאַן** פאָלגענדע זאַכליכע אַרבייטס־פּראָגראַם פאַר'ן אידישען מיניסטער.

1. אננעמען אַלע מיטלען כדי דורכפירען אין דער נאָהענטסטער צײַט די וואַהלען אין דער [illegible] אידישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און כדי זי צונויפצורופען גלײַך נאָך די וואַהלען, 2. זאַמלען די נויטיגע מאַטעריאַלען און פירען די נויטיגע פאָרבערייטונגס־אַרבייט פאַר דער צײַטווײַליגער אידישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, 3. זעהן דורכפירען אויפ'ן יסוד פונ'ם געזעץ פון 2 דעקאַבער 1917 יאָר די וואַהלען אין די אידישע קהלות דאָרט, וואו זײַנען נאָך ניט פאָרגעקומען, 4. אויסאַרבייטען די געזעצען וועגען דער רעכטליכער לאַגע פון די אידישע קהלות און וועגען זייער פינאַנסיעלען יסוד (געזעץ וועגען דער קהלה, אַלס דעם אָרטיגען אינסטיטוט פון דער נאַצ. אווטאָנאָמיע; געזעץ וועגען דעם פּראָגרעסיווען אָבערעכנונגען פון די מלוכה און מוניציפּאַלע מיטלען א. א. וו.), 5. אננעמען אַלע מיטלען, כדי שאַפען פאַר די קהלות די טעכנישע מעגליכקייטען פון דער פּראַקטישער אַרבייט.

בנוגע צו דער קולטור־אַרבייט דאַרף זיך דער פאַרוואַלטער פונ'ם אידישען מיניסטעריום האַלטען בײַ די פאָלגענדע פּרינציפּן:

1. עס טאָרען נישט דערלאָזט ווערען קיין שום באַגרענצונגען צוליעב העברעאיש, אָדער אידיש בנוגע צו די קולטורעלע אַנשטאַלטען, וואָס ווערען געשאַפען לויט דער פּריוואַטער און געזעלשאַפטליכער איניציאַטיוו, 2. אין דער איבעריגער קולטורעלער אַרבייט בלייבט דאָס מיניסטעריום גופא בנוגע צו דער שפּראַך־פראַגע אויפ'ן נייטראַלען שטאַנדפּונקט, לאָזענדיג די אַנשפּרעכענדע באַשלוסען די באַטרעפענדע אָרגאַנען פון דער אידישער אווטאָנאָמיע.

ה' יודין (פאָלקס־פּאַרטיי) מיינט, אַז אויסער דער אַרבעט־פּראָגראַם פון די ציוניסטען, דאַרף זיך דער נאַציאָנאַל־ראַט רעכענען דערמיט, וואָס איז דאָ נאָך אַ פּראָגראַם פאַר דעם מיניסטעריום — דאָס פּראָגראַם, וואָס איז בשעתו צוגעשטעלט געוואָרען פון דער פאָלקס־פּאַרטיי און אָנגענומען געוואָרען דורך דעם נאַציאָנאַלען ראַט אין זײַן פריהערדיגן באַשטאַנד.

ס'זײַנען אַלזאָ פאַראַן צוויי פּראָגראַמען וועלכע מען דאַרף באַטראַכטען.

נאָכדעם ווי עס איז פאָרגעלייענט געוואָרן די ציוניסטישע דעקלאַראַציע טרעטען אַרויס רעדנער פון די לינקע פּאַרטייען. **נאָוואַקאָווסקי** („פּעראייניגטע"), באַמיהט זיך צו באַווײַזען, אַז זאַכליכקייט איז כלומרשט בלויז אין דעם ערשטען טייל פון פּראָגראַם, וואו ס'רעדט זיך וועגען צוגרייטען מאַטעריאַלען, דורכפירען די וואַהלען אין פאָרפּאַרלאַמענט א. א. וו. אין דער קולטור־פראַגע איז גיטא קיין זאַכליכקייט, נאָר נייטראַליטעט, און דאָס איז שוין פּאָליטיק (?). ער לעגט פאָר אָדער לאָזען אָפען די פראַגע וועגען דער קולטור־טעטיגקייט, אָדער באַשטימען אַ ספּעציעלע זיצונג פאַר אָט דיזער פראַגע.

ה' **ראַפּעס** (בונד) קריטיקירט די נייטראַליטעטס־פּאָזיציע און ערקלערט, אַז די בונדישע פראַקציע וועט שטימען קעגען דער אַרבעט־פּראָגראַם פון די ציוניסטען. ער רעכענט, אַז דאָס מיניסטעריום דאַרף אויף דעם משך צײַט ניט אַרײַנטראַגען קיין שנויים אין דער טעטיגקייט פון מיניסטעריום בנוגע צו דער שול־פּאָליטיק. ה' ראַפּעס ווייזט אויף אַזאַ אופן צווינגען די צווייטע העלפט פון נאַציאָנאַל־ראַט רוהיג צוזעהן, ווי דאָס מיניסטעריום קעמפט געגען העברעאיש און געפינט זיך אין די הענד פון אַזעלכע העלדען, ווי סטראַשון און א.

זרובבל (פּועלי־ציון) פאָדערט אויף אַ המצאה: דוקא לשם זאַכליכקייט אַז זאָל בלייבען אָפען די קולטור־פראַגע,

דער נאצ.-ראט וועט קענען אין באזונדערע פאלען אריינטראגען מאדיפיקאציעס אין די פרינציפען. דער רעדנער באמיהט זיך צו האלטען „שטימונגספול“, רעדט וועגען אמת'ן ציוניזם, נאר ווערט באגעגענט מיט איראנישע צווישענרופ. און ענדיגט מיט דער פראזעאלאגיע פון בונד.

א לאנגע רעדע „למען השלום“, אנ'עבט אפארטוניסטישע, האלט לאצקי פון דער „פאלקס-פאטיי“. ער דערצעהלט וועגען די הויפט-פרינציפען פון פריהעריגען מיניסטעריום; ער זאגט צו אריינטראגען די אלטע פראגראם פון פאלקס-פארטיי, ער פרובט איבערצייגען די ציוניסטען און אחדות, אז אידיש איז נאר ניט אזא גרויסע געפאר ווי עמיצער וואלט עס געזאגט.

מיט א ענפער די רעדנערס פון לינקס טרעט ארויס דער חבר הלל זלאטאפאלסקי. מיט פאקטען און באווייזען רעכענט ער אויס אלע פעהלערן, וועלכע דאס מיניסטעריום אין באגאנגען און ווייזט אן איף די צופאלען, ווען דאס מיניסטעריום האט געמאכט כסדר באגרענעצונגען פאר דער העברעאישער שפראך, ווי דאס איז פארגעקומען אין אומאן, באגוסלאוו און אנדערע ערטער. דער רעדנער ערקלערט, אז מיט דער „נייטראליטעט-פארמעל“ זיינען די ציוניסטען געגאנגען אויף דעם מאקסימום פשרות. דאס איז ניט אונזער פראגראם. דאס איז א סטעזשקערע פאר הנחות. די ציוניסטישע פראקציע איז שטענדיג דעריפאר, אז העברעאיש זאל זיין די שפראך פונ'ם אידישען פאלק, און אויב מיר געהען איצט איין אויף א פשרה, אויב מיר זיינען איצט מסכים צו בלייבען נייטראל אין דער פראגע, ווערט דאס געטין מיט א שווער הארץ צוליב דער גרויסער סכנה, וואס שוועבט איבער דער נאציאנאלער אויטאנאמיע. ווייטער פון אט דער פשרה קאן מען ניט געהן. הכל הפחות קיין באגרענצונגען פאר העברעאיש טאר בשום אופן ניט דערלאזט ווערען.

אונזערע סאציאליסטען האבען אבער באוויזען, אז עס פעהלט זיי דער הויש פאר רעאלע ארבייט, אז זיי ווילען עס זאלען זיך ווייטער אפשפילען ד סקאנדאל-געשיכטען, נאר דאס ווערען מיר ניט דערלאזען.

נאך לאנגע דעבאטען-וועגען דער טעכניק פון דער אבשטימונג און א שורה פאקטישע באמערקונגען טראגט ארויין ה' ש. ביקין (אחדות) א פארשלאג איבערצוגעהן באטראכטען די ציוניסטישע ארבייטס-פראגראם פונקטענווייז.

די פראגע וועגען איבערגעהן צום באטראכטען פונקטענווייז די ציוניסטישע ארבייטס-פראגראם ווערט געשטעלט צום אבשטימען, זי באקומט 30 שטימען פאר און 30 געגען און ווערט אלזא ניט אנגענומען. אויף אזא משונה'דיגען אופן האבען די סאציאליסטען אבגעווארפען א פראגראם, וועלכע גיט די מעגליכקייטען צו ארבייטען.

דאן אנטוויקלען זיך הייסע דעבאטען ארום דער פראגראם פון פאלקס פארטיי. די פארשטעהער פון פאלקס-פארטיי ערקלערען פריהער, אז זיי וועלען פארלייגען זייער פראגראם, נאר נאך א וואונק פון לינקס ענדערען זיי זייער טאקטיק און זאגען, אז קיין נייע פראגראם האבען זיי אייגענטליך ניט, נאר זיי דערמאנען וועגען דער פריהעריגער. די ציוניסטען פאדערן אבער, אז די דאזיגע פראגראם זאל געשטעלט ווערען צו דער אבשטימונג. די לינקע העלפט וויל דורכאויס ניט דערלאזען, אז מ'זאל די פראגראם פון פאלקס פארטיי שטעלען צום אבשטימען, וויל ס'איז קלאר, אז זי וועט אבגעווארפען ווערען. מען וויל דורכאויס שאפען די אילוזיע, אז ס'איז פאראן שוין א פראגראם. דאן ערקלערט ה' הינדעס, אז אזוי ווי די פאלקספארטיי האט אליין קיין מוט ניט צו שטעלען צום אבשטימען איר פראגראם, וואס זי אליין האט מיט א שעה צוריק אריינגעטראגען, לעגט ער פאר דעם נאציאנאל-ראט דאס פראגראם פון דער פאלקספארטיי. ה' גראסמאן שטעלט זיך אויף א ריין זאכליכען שטאנדפונקט און פאדערט, אז מען זאל פשוט אבשטימען צו יענע פראגראם איז חל פאר א פארוואלטער.

דער דאזיגער אויסערגעוועהנליכער קאזוס שטעלט אין אגרויסער פארלעגענהייט די לינקע העלפט און מען הייבט אן צו זוכען מיטלען ווי זיך ארויסצודרעהען. ה' זלאטארעווסקי (פאלקס פארטיי) טראגט אריין א פארשלאג אבצושטימען די פראגע צי זאל מען שטימען ה' הינדעס פארשלאג, צו ניין. דאן טראגט ה' זלאטאפאלסקי אריין א פארשלאג פריהער צו באשטימען צי קאן ה' זלאטארעווסקי'ס פארשלאג געשטעלט ווערען צום אבשטימען. די כוונה פון די סאציאליסטען איז קלאר: זיי האבען מורא פאר אבשטימען און זיי זיינען גרייט צו לאזען דאס מיניסטעריום בכלל אהן א פראגראם.

די לאגע איז זעהר א פארוויקעלטע, די אטמאספער ווערט אומגעהייער היציג, און נאך לאנגע ויכוחים, אינצידענטען און א הפסקה, וואס האט זיך פארצויגען כמעט אויף א גאנצער שעה, ווערען צוריקגעצויגען אלע פארשלאגען, וואס זיינען אריינגעטראגען געווארען בנוגע צום פראגראם און מ'געהט איבער צו די וואהלען פון א מיניסטעריום-פארוואלטער.

קיין אייניגונג צווישען די פראקציעס איז ניט פארגעקומען און דער איינציגער קאנדידאט, וועלכען עס האט ארויסגעשטעלט די פאלקספארטיי, ה' לאצקי, באקומט 30 שטימען פאר און 30 געגען און ווערט אזוי ארום ניט אויסגעקליבען.

דערמיט ווערט געשלאסען די שטורעמדיגע זיצונג, וואס האט זיך פארצויגען ביז 3 ביינאכט.

אויף דער זיצונג פונ'ם 4-טען יוני זיינען באטראכט געווארען די תקנות צו די וואהלען אין פארפארלאמענט.

עס זיינען אנגענומען געווארען מיט אלע אויסבעסערונגען פון דער ציוניסטישער פראקציע צו די פפ. 1 און 3 פון די וואהל-תקנות, ווי למשל: דאס הויפט-וואהל-ביורא איז זעלבסשטענדיג, די וואהלען קומען פאר אין משך פון 3 טעג, די צאל מיטגלידער פון הויפט-וואהל-ביורא איז פארגרעסערט פון 5 ביז 8, אין די ארטיגע וואהל-קאמיסיעס האבען דאס רעכט אריינצוגעהן אויסער דעם פארזיצענדען פון דער קהלה די פארשטעהער פון די פראקציעס, וואס זיינען דא אין דער ארטיגער קהלה, און אויך פון אלע פארטייען און גרופען, וועלכע שטעלען ארויס קאנדידאטען-צעטלען; דעם טאג פון די וואהלען באשטימט דער נאציאנאל-ראט.

3 אזייגער ווערט ערקלערט א הפסקה, ווייל מען דארף, לויט דער באשטימונג פון פרעזידיום, איבערגעהן צום 2-טען פונקט פון טאג-ארדנונג — וועגען וואהלען פון פארוואלטער פון אידישען מיניסטעריום. די הפסקה פארציהט זיך. בעת דער הפסקה פירט די פאלקס פארטיי אונטערהאנדלונגען מיט די ציוניסטען.

נאך דער הפסקה ערקלערט דער פרעזידיום, אז ער האט אין דער פראגע נאך ניט וואס פארצולעגען דעם נאציאנאל-ראט.

מען געהט איבער צו די ווייטערדיגע שנוים און די תקנות, צום שלוס קלייבט אויס דער נאצ. ראט 8 מאן אין הויפט-וואהל-ביורא, די ה"ה: 1) ברעגמאן (פאראייג.), 2) גאטעסמאן (ציוניסט), 3) גאלדעלמאן (פועלי-ציון), 4) גארענשטיין (אחדות), 5) הייליג (פאלקספארטיי), 6) הענדעס (ציוניסט), 7) עטקין (בונד), 8) פאסטאן (צ. צ.).

די לעצטע זיצונג.

די זיצונג פונ'ם אידישען נאציאנאל-ראט פון 10-טען יוני האט געטראגען ניט בלויז א שטורמישען האראקטער, נאר זי האט אויך געמאכט אויף אלעמען א שווערען און פייניגען איינדרוק. דער אזוי גערופענער לינקער פליגעל האט בולט ארויסגעוויזען זיין שטרעבען צו מאכען אונמעגליך יעדע פאזיטיווע ארבייט, וועלכע געפינט זיך ניט אין הסכם מיט זייער פראגראם און טאקטיק. דער פרינציפיעלער שטרייט האט זיך פארוואנדעלט אין א פערזענליכען, און די פארטרעטער פון „בונד“ און „פאראייניגטע“ האבען דעמאנסטרירט זייער מארק-זשארגאן און די באקאנטע רעדענסארטען פון געפאלענע פארשוינען.

קיין פארוואלטער האט מען ווידער ניט געקליבען; קיין ארבייטס-פראגראם ניט אנגענומען, הגם צווישען די ציוניסטען און דער פאלקס-פארטיי איז מען געקומען צו אנ'אויסגלייך אין די ביידע פראגען.

די ציוניסטישע רעדנער האבען אבער אויפגעדעקט די גאנצע שפיל אין דעם אינטריגען-נעץ פון די סאציאליסטען, ניט איבערלאזענדיג קיין פלאץ פאר קלאגען און כבדות.

דער איינמאל אנגענומענער וועג פון באגרענצונגען האט געפירט דערצו, אז די מינדערהייט פון 25 האט, באנוצענדיג זיך מיט א „קאנסטיטוציע“, געוואלט צווינגען די מעהרהייט פון 35 צו באגרענצען די קאמפעטענץ פון דער צייטווייליגער נאציאנאלער פארזאמלונג. דאס האט געצוואונגען די ציוניסטען אבצורופען זייערע פארטרעטער פון פרעזידיום און שפעטער, בעת די נידריגע סקאנדאל-סצענעס, פארלאזען די זיצונג.

דאס אידישע לעבען אויף אוקראינע.

די שול אנקעטע.

כדי צו פאנאנדערטיילען די עקזיסטירענדע שולען צווישען די נאציעס האט די סטאטיסטישע אבטיילונג ביים בילדונג-מיניסטעריום צושיקט קארטען צו אלע העכערע און מיטעלע שולען מיט פראגען, ווי אזוי איינטיילען די שולען און זייער פארמעגען צווישען די אוקראינער נאציעס און באפוילען, „אז די קארטען דארפען אומבאדינגט אומגעקערט ווערען אין מיניסטעריום ניט שפעטער פונ'ם 15 יוני“.

אנטיסעמיטיזם.

פון אדעס איז מען מודיע, אז מען האט אנגעהויבען מאסענווייז אבצוזאגען אידען פון די אדמיניסטראטיווע אנשטאלטען. באזונדערס האט זיך אויסגעצייכענט דער מיליציע-קאמיסאריאט פון בולוואר-ראיאן, אין וועלכען עס זיינען אבגעזאגט געווארען אלע 50 מיליציאנערען-אידען. די סבה איז דער נייטראליטעט פון די אידען בשעת די באלשעוויסטיש-אוקראינישע שלאכטען אויף די אדעסער גאסען. אינטערעסאנט איז, אז לויט א באשלוס פון דער שטאטישער זעלבסטפארוואלטונג האט זיך אין די בלוטיגע טעג געהאלטען נייטראל די גאנצע מיליציע. די שטראף איז אבער געפאלען נאר, ווי געוועהנליך, אויף די אידען.

צענטראל-ביורא פונ'ם דעמאקראטישען לערער-פארבאנד.

אויף דער זיצונג פון דעם אידישען לערער-צוזאמענפאר איז אויסגעקליבען געווארען א צענטראל-ביורא פון 15 פערזאן. אין ביורא געהען אריין: פעלדמאן, לעוויטאן, גאלאמב, ראבינאוויטש, עפשטיין, בראווארניק, סטראשון, האלפערין, ראבין, שולמאן, קאושראן, לעוויט, בראן, איסעראוויטש און דווארקין. קאנדידאטען: מערעזשין, נירענבערג, פעסשעניק און שרה ראבינאוויטש.

די ארבעט פון די קהלות.

אלס א ענטפער אויף אסך אנפראגען האט דאס אידישע מיניסטעריום צושיקט א צירקוליאר, אין וועלכען עס מעלדעט, אז די געשהעענישען האבען געשטערט דורכצופירען דעם געזעץ וועגען דער קאמפעטענץ פון די קהלה-ראטען און וועגען זייער ביורזשעט רעכט. די געזעצפראיעקטען וועגען דער פראגרעסיווען הכנסה שטייער און וועגען דער צייטווייליגער אידישער נאציאנאלער פארזאמלונג ווערען איצט באטראכט אינ'ם נאציאנאל-ראט און ווערען אינגיכען מסתמא דורכגעפירט ווערען. דערווייל דארפען די קהלות ארבעטען זעלבשטענדיג און שטרעבען צו באפרידיגען אלע באדערפענישען פון

דער אידישער באַפעלקערונג. אויפ'ן חשבון פונ'ם קומענדיגען הכנסה-שטײַער קאָן דערווײַל דורכגעפירט ווערען אַ זעלבסטבאַשטײַערונג, וואָס טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַנ'אײַזאַנס על חשבון פון דעם שטײַער.

עס דאַרף אויסגעפאָרשט ווערען די פינאַנציעלע און יורידישע לאַגע פון אַלע אידישע אַנשטאַלטען, כדי פאַרגרינגערן זייער איבערגאַנג אין רשות פון דער קהלה-פאַרוואַלטונג.

אידישע שולען.

דער דעפּאַרטאַמענט פון פאָלקס-בילדונג בײַם מיניסטעריום פאַר אידישע ענינים מעלדעט, אַז פאָלגענדע קאַזיאָנע שולען זײַנען פאַרוואַנדעלט אין העכערע אָנפאַנג-שולען: קיעווער גוב.—קיעווער קאַז. שול אין נאָמ. פון בראָדסקי, בערדיטשעווער 2 קלאַסיגע אָנפאַנגס-שול, בעלאָצערקאָווער 2 קלאַסיגע אָנפאַנג-שול, וואָל. גוב. זשיטאָמ. 2 קלאַסיגע אָנפּ.-שול. פּאָדאָלער גוב.—פּראָסקוראָווער 1 קלאַס. אָנפּ.-שול, באַלטער 1 קל. אָנפּ.-שול, מאָהילעווער 2 קל. אָנפּ.-שול. כערסאָנער גוב.—1-טע אָדעסער 2 קל. אָנפּ.-שול, 2-טע אָדעסער 2 קלאַסיגע אָנפּ.-שול, 3-טע אָדעסער פרויען-שול, 1-טע יעליסאַוועטגראַדער. ניקאָלאַיעווער 2 קל. אָנפּ. שול. יעקאַטערינאָסלאַווער 2 קל. אָנפּ.-שול.

אין די אַלע אויסגערעכענטע העכערע אָנפאַנגס שולען איז אָנגענומען געוואָרען אַלס פּרינציפּ, אַז די למודים מוזען געפירט ווערען אויף אידיש. דאָס איז געשטעלט געוואָרען פאַר אַן אומבאַדינגטען תנאי, כדי די באַשטעטיגונג זאָל קאָנען פאָרקומען.

אידישער פאָלקס-אוניווערסיטעט.

זונטאָג, דעם 9-יוני, איז פאָרגעקומען די פײַערליכע עפענונג פונ'ם אידישען פאָלקס-אוניווערסיטעט. דאָס ווערט געשאַפען דורך דער קולטור-ליגע. עס זײַנען געהאַלטען געוואָרען באַגריסונגס-רעדעס און געלייענט געוואָרען אַ לעקציע וועגען „די היסטאָרישע וועגען פון דער מאָדערנער אידישער קולטור“.

פאַר'ן אידישען קינד.

דעם 7—9 יוני זײַנען אין קיעוו פאָרגעקומען עפענטליכע זאַמלונגען און אַ רייהע פאַרווײַלונגען לטובת דעם פאַרבאַנד פאַר אויסער-שול בילדונג, וואָס עקזיסטירט בײַ „אָזע“. די גאַנצע הכנסה איז באַשטימט פאַר אידישע קינדער-היימען און קינדער-קאָלאָניעס. די אידישע באַפעלקערונג האָט זיך וואַרים אָבגערופען אויף דעם רוף צו העלפען קינדער.

אידישע פאָלק-פּראָגרעסיווע פאַרטײַ.

אונטער דעם פאָרזיץ פונ'ם האַנדלס-מיניסטער גוטניק איז די טעג פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון דער קיעווער נײַער אידישער פאַרטײַ צוזאַמען מיט די פאָרשטעהער פון דער אָדעסער „פאָלק-גרופּע“.

נאָכ'ן פאָרטראָג פון ה' י. נאַלאַנט איז באַהאַנדלט געוואָרען די פראַגע וועגען אַ פאַראייניגונג צווישען די דאָזיגע צוויי גרופּען. עס איז באַשלאָסען געוואָרען זיך צונויפגיסען אין איין פאַרטײַ, וועלכע וועט טראָגען דעם נאָמען: „אידישע פאָלק-פּראָגרעסיווע פאַרטײַ“.—

אין אַ חודש אַרום וועט צונויפגערופען ווערען אין קיעוו אַ קאָנפערענץ פון דער דאָזיגער פאַרטײַ, און זי קלײַבט זיך אין גיכען אָנהייבען אַרויסגעבען אַ פאַרטײַ-אָרגאַן. אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך—צי אויף רוסיש צי אויף אידיש איז נאָך ניט באַשלאָסען געוואָרען.

צי מעג אַ איד זײַן אַ בריף-טרעגער.

אין לאַדיזשין, פּאָד. גוב., איז פון לאַנגע יאָרען, נאָך בײַ ניקאָלאַי, געווען אַ אידישער בריפען-טרעגער, וועלכער האָט באַקומען זײַן שטעלע בירושה פון זײַן שווער. נאָכ'ן טויט פונ'ם בריף-טרעגער האָט די בריף אַרומגעטראָגען זײַן ווײַב. מיט עטליכע טעג צוריק האָט דער נאַטשאַלניק פון פּאָסט-קאָנטאָר אויפגעהערט אַרויסצוגעבען איר בריף און ערקלערט, אַז אַ איד האָט ניט קיין רעכט צו זײַן אַ בריף-טרעגער.

וועגען אָט דעם פאַקט האָט זיך דאָס אידישע מיניסטעריום געווענדעט צום פּאָסט-מיניסטעריום מיט דער בקשה צו אומקערען איר שטעלע די אידישע פרוי, אָנווײַזענדיג, אַז אין אוקראַינע זײַנען אַלע נאַציאָנאַלע באַגרענצונגען אָבגעשאַפט.

אין די נײַע קהלות.

יעקאַטערינאָסלאַוו.

ווי באַקאַנט, האָבען די סאָציאַליסטישע פראַקציעס פון דעם יעקאַטערינאָסלאַווער קהלה-ראַט געהאַט באַשלאָסען אַרײַנצוטרעטען אין דער פאַרוואַלטונג פון דער קהלה, כדי „צו ראַטעווען די דערגרייכונגען פון דער רעוואָלוציע“. אין פאַרוואַלטונג זײַנען אַרײַן צו איין פאָרשטעהער פון די „פאַראייניגטע“, „בונד“ און פּועלי-ציון. ניט לאַנג זײַנען זיי אָבער דאָרט פאַרבליבען. באַלד איז אַנטשטאַנען די פראַגע וועגען דער שפּראַך פון דער געשעפטספירונג פון דער קהלה. דער פּלענום האָט באַהאַנדעלט די פראַגע און מיט אַ מערהייט איז אָנגענומען געוואָרען, אַז די געשעפטספירונג זאָל זײַן אין צוויי שפּראַכען און אַז אין אַלע אָפיציעלע אַנשטאַלטען ווענדט מען זיך אין אידיש, אין אַלע אידישע אַנשטאַלטען אָבער נאָר אין העברעאיש. די סאָציאַליסטען האָבען געפונען נאָך דעם באַשלוס פאַר אוממעגליך בלײַבען אין דער פאַרוואַלטונג.

אָט אַזוי „ראַטעווען“ אונזערע היימישע סאָציאַליסטען די רעוואָלוציע. דערפאַר, וואָס בײַדע שפּראַכען האָבען באַקומען די זעלבע רעכט זײַנען זיי גרייט הרוב צו מאַכען די נײַע קהלות.

ראָמנער קהלה.

דעם 31 מאַי איז פאָרגעקומען די צווייטע זיצונג פונ'ם אידישען קהלה-ראַט. אין אָנהייב פון דער זיצונג איז דורכגעלייענט געוואָרען די טעלעגראַם פון קיעוו, אַז דאָס אידישע מיניסטעריום האָט באַשטעטיגט די וואַלען פון דער קהלה. דערנאָך איז אויסגעקליבען געוואָרען פאַר אַ פאָרזיצער פון דער קהלה מיט 10 שטימען פאַר און 9 קעגען דער ציוניסט סופּאַניצקי.

אומאַן.

קהלה-עפענונג.

דעם 22-טען מאַי איז אין אומאַן פאָרגעקומען די ערשטע, פײַערליכע, זיצונג פונ'ם נײַ-אויסגעקליבענעם קהלה-ראַט.

אינ'ם נאָמען פון דער וואַהל-קאָמיסיע האָט די זיצונג געעפענט ה' פריידענבערג, וועלכער האָט אָנגעדײַטען אויף די גרויסע שוועריגקייטען, בײַ וועלכע ס'איז אײַנגעקומען צו אַרבעטען. ער רעכנט פאַר גלײַך אויסצוקלײַבען אַ פּרעזידיום.

אַלס פאָרזיצער איז אויסגעקליבען געוואָרען י. שטראָמאַסער (ציוניסט), אַלס סעקרעטאַרען י. מאַלי (ציוניסט) און ה' שיף (פאַראייניגטער).

דער פאָרזיצער האַלט אַ באַגריסונגס-רעדע אויף העברעאיש און געהט איבער צו דער פראַגע וועגען סדר-היום. די פאַראייניגטע טראָגען אַרײַן אַ פאָרשלאָג צו באַטראַכטען אויף דער ערשטער זיצונג די פראַגע וועגען צושטאַנד פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. דער פאָרשלאָג ווערט אָבגעוואָרפען און עס ווערט אָנגענומען פאָלגענדער סדר-היום: 1) באַגריסונגען, 2) דעקלאַראַציעס, 3) באַשטימען די צווייטע זיצונג.

דערנאָך זײַנען מיט באַגריסונגען אַרויסגעטראָטען דער שטאָט-גאָלאָוואַ קרישאַנאָווסקי, וועלכער האָט געגריסט די קהלה צו אַרבעטען אין קאָנטאַקט מיט דער שטאָט-פאַרוואַלטונג, דער פאָרשטעהער פון דער אידישער פראַקציע אין שטאָט-דומע מעזשעריצקי, פאָרשטעהער פון ציוניסטען, אחדות, צעירי-ציון, „מכבי“, „תרבות“, אידישען שפּיטאַל, קולטור ליגע, אייניגע פּראָפ. פאַראייניגען און אַנד. אַסך באַגריסונגען זײַנען געווען אין דער העברעאישער שפּראַך.

נאָך דעם איז מען איבערגעגאַנגען צו די דעקלאַראַציעס.

מיט דער ערשטער דעקלאַראַציע איז אַרויסגעטראָטען דער פאָרשטעהער פון דער ציוניסטישער פראַקציע לעוויצקי (העברעאיש), אין וועלכער עס ווערט ערקלערט, אַז די קהלה דאַרף באַפרידיגען אַלע אינטערעסען פון אידישען פאָלק, ווי עקאָנאָמיש-קולטורעלע אַזוי אויך רעליגיעזע.

די דעקלאַראַציע ווערט נאָכדעם איבערגעזעצט אויף אידיש.

אין נאָמען פון די פאַראייניגטע האָט פאָרגעלייענט די דעקלאַראַציע ה' ווייסבערג, פון אחדות—ה' עליאַש (העברעאיש). די לעצטע דעקלאַראַציע איז אויך איבערגעזעצט געוואָרען אויף אידיש.

ניט קיין גרינגע דערייה, וואָס מיר האָבען אין קהלה-ראַט דעם בונד און די פ"צ. האָט זיך ניט באַטייליגט קיין איין פאָרשטעהער ניט פון בונד און ניט פון פ"צ.

אויף דער צווייטער זיצונג פון 29 מאַי איז אויסגעקליבען געוואָרען אַ שטענדיגער פּרעזידיום פון פאָלגענדע פּערזאָנען: פאָרזיצער—שטראָמאַסער (ציוניסט), וויצע-פאָרזיצערס—באָנפעלד (ציוניסט) און עליאַש (אחדות), סעקרעטאַר מאַלי (ציוניסט).

די לינקע פאַרטײַען האָבען זיך אָבגעזאָגט צונעמען אַנטייל אין פּרעזידיום.

אויף דער זעלבער זיצונג איז אָנגענומען געוואָרען פאָלגענדע רעזאָלוציע וועגען דער נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וואָס האָט אַרײַנגעטראָגען די ציוניסטישע פראַקציע:

„אַנערקענענדיג, אַז נאָר דאַן קאָן אַ פאָלק זיך נאָרמאַל אַנטוויקלען, ווען ס'קאָן פרײַ און אומבאַגרענעצט זעלבסטבאַשטימען אַלע זײַנע אינווייניגסטע ספּעציפישע באַדערפנישען,—שטרעבענדיג יאָרענלאַנג צוריק אויפצובויען די איבערגעריסענע אידישע היסטאָריש זיך אַנטוויקלענדע זעלבסטפאַרוואַלטונג,—געפינען מיר, מיטגלידער פון אומאַנער קהלה-ועד, פאַר נויטיג, צוטרעטענדיג צו דער קהלה-אַרבייט,—אין איצטיגען מאָמענט, ווען עס דראָהט פון אייבען אַ געפאַר דער נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע און דער פרײַהייט פון דער אידישער קהלה, פאַרעפענטליכען:—

פאלאנע (וואהל, גוב.).

דעם 18 מאי איז ביי אונז פארגעקומען די פייערליכע עפענונג פון דער קהלה. דער זאל איז געווען איבערפולט מיט פובליקום דער רוב מיט יוגענד-„חברים“ פון אלע פאליטישע פארטייען. ראטמענער זיינען געווען: 18 סאציאליסטען (בונד און פ"צ) 2 אונפארטייאישע, 15 ציוניסטען (2 פון דער ציוניסטישער פראקציע) זיינען צופעליג נישט געווען. ביי א געהויבענער שטימונג איז די פארזאמלונג געעפענט געווארען דורכ'ן פארזיצער פון דער טעכנישער וואל-קאמיסיע. נאך א קורצען באריכט וועגען דער טעטיגקייט פון וואהל-קאמיסיע איז מען צוגעטראטען צו די וואהלען פון פרעזידיום פאר דעם אוונד. די ציוניסטען האבען פון זיך נישט ארויסגעשטעלט קיין קאנדידאטען, ווייל זיי זיינען געווען צופעליג אין א מינדערהייט, מיט 19 שטימען; 18 סאציאליסטען און 1 אונפארטייאישער — איז אויסגעקליבען געווארען א פרעזידיום פונ'ם סאציאליסטישען בלאק. דער פארזיצער (א בונדיסט) איז ארויסגעטראטען מיט א רעדע אין וועלכער ער האט אויסגעדרוקט א דאנק פאר דעם כבוד, וואס מען האט איהם צוגעטיילט און האט צוגעזאגט זיך פיהרען „אינדיפערענט“... (ער האט געמאכט א טעות געהאט, ער האט געמיינט „אביעקטיוו“). פארשטעהט זיך, אז אלס א ציוניסטען-פרעסער, האט ער נישט מקיים געווען זיין הבטחה און האט תיך כדי דבור אנגעהויבען עסען די ציוניסטען, זאגענדיג, אז זיי זיינען די אידישע פאלקס-פיינד און ער איז גליקליך, וואס ער איז נישט אויסגעקליבען געווארען מיט זייערע שטימען. נאכהער האבען זיך אנגעהויבען די באגריסונגס-רעדעס, אין וועלכע עס איז געווען אויסגעדרוקט א פעסטער ווילען און שטרעבונג צו קעמפען פאר דער אידישער נאציאנאל-פערסאנאל-אווטאנאמיע. באזונדערס איז געווען אונטערגעשטריכען אין דער באגריסונגס-רעדע פון דעם ציוניסטישען פארשטעהער דער וואונש אויעקווארפען די פארטיי-רייבונגען און שאפען איין נאציאנאלען פראנט צו קעמפען פאר דעם קערענדעל פון דער נאציאנאל-פערסאנאל-אווטאנאמיע — פאר דער קהלה.

ביים לייענען די דעקלאראציעס האט אויסגעבראכען א סקאנדאל: אנערקענענדיג פרינציפיעל די גלייכבארעכטיגונג פון ביידע שפראכען אין גלות — האבען די ציונים געחאלט פארלייענען 2 דעקלאראציעס: העבראעיש און אידיש. די סאציאליסטען האבען נישט פארגינען די ציוניסטען דעם לוקסוס צולייענען 2 דעקלאראציעס און האבען געפאדערט שטעלען די פראגע אויף אפשטימונג. נאך דער ערקלערונג פון ציוניזם, אז מען האט נישט די מאראלישע רעכט אריינמישען זיך אין די גרונד פרינציפען פון זייער פראגראם אין פרינציפען פון פרעמדע פראגראמען קען מען אויף אפשטימונג נישט שטעלען, האבען די סאציאליסטען געטאן א חסד... און נאכגעגעבען דער פאדערונג פון ציונים, דערביי האט זיך דער „אינדיפערענטער“ פארזיצער געווענדעט מיט א ליכטיגען שמייכעל אויף די ישען צום פובליקום און געזאגט, אז ווי האבען די הבר רעכט צו געניצען און דרימלען ביים לייענען די העבראאישע דעקלאראציע. פארשטעהט זיך, אז עס האבען זיך דאן אויפגעהויבען שטארקע פראטעסטען פון די ראטמענער און פובליקום. לויט דער פאדערונג פון דער ציוניזם. פראקציע זיינען די שעהנע, אידעלע ווערטער פון פארזיצער פארטאקאלירט געווארען.

דעם ב-טען יוני איז געווען די צווייטע זיצונג פון קהלה-ראט און עס זיינען געווען די וואהלען פון פרעזידיום און פארוואלטונג. נאך פיל אונטערהאנדלונגען מיט די סאציאליסטען האבען די ציוניסטען נישט געקענט קומען צו קיינע-פשרות. האלטענדיג זיך אין זייערע דעמאגאגישע-ראמען האבען די סאציאליסטען געהאט די העזה פאדערן אזל-טימאטיוו די גאנצע מאכט הן אין פרעזידיום הן אין פארוואלטונג. ד. ה. אין דעם פרעזידיום, וועלכער דארף באשטעהן פון 5 פערזאן, זאל זיין זייער פארזיצער און 2 מיטגלידער און אין פארוואלטונג, וועלכער דארף זיין פון 7 פערזאן זאל זיין זייער סעקרעטאר און 3 מיטגלידער ד. ה. אין ביידע הויפט-ארגאנען זייער מערהייט. ביי אזא לאגע האבען די ציונים זיך געמוזט אבזאגען פון פאראנטווארטליכע און האבען קיין אנטייל נישט גענומען אין די וואהלען. אין פרעזידיום און פארוואלטונג זיינען אויסגעקליבען געווארען בלויז סאציאליסטען, וועלכע האבען צוליב זייער פארטיי-שאוויניזם אונטערגעריסען דעם אווטאריטעט פון דער קהלה.

י. פאליס.

אין דער אידישער וועלט.

רוסלאנד.

פאַרזאַמלונג פון קורלענדער אידען.

אין אפריל איז אין מאסקווע פארגעקומען א פארזאמלונג פון די קורלענדישע אידען וועגען אומקערען די היימלאזע אידישען זיי.

די פארזאמלונג איז פארגעקומען אונטער'ן פארזיץ פונ'ם רב נוראק און עס זיינען ארויסגעטראטען ד"ר הילמאן, דעמעקער שאפירא, הירשבערג, גאלדבלאט, לעווין און אנדערע, וועלכע האבען אנגעוויזען אויף דער נויטווענדיגקייט צו שאפען א רעאָרגאניזאציע, וואס פארנעמען זיך מיט אזעלכע פראגען, און אויך פארבינדען באציהונגען מיט די באלטישע אידען וועלכע ווילען זיך [illegible] ארגאניזירען.

פאַרזאַמלונג פון אידישע סטודענטען טעכניקער.

די פאלעסטינישע פאליטעכנישע געזעלשאפט אין מאסקווע איז געווארען דער צענטער פאר די טעכניקער, וואס האבען זיך געווידמעט דער אויפבויאונג פון ארץ ישראל אויף צו פאר: עבערען און צו ארגאניזירען די ארבייט און אנהויב מאי איז פארגעקומען אן'אלגעמיינע פארזאמלונג, אויף וועלכער עס זיינען פראקטיזירט געווארען די אויפגאבען פון דער געזעלשאפט און באהאנדעלט געווארען אלע פראגען וועגען דער טעכנישער מעט גקיט.

אידישע עמיגראנטען.

קיין מאסקווע זיינען די לעצטע טעג אנגעקומען א פארטיע אידישע עמיגראנטען פון לאנדאן, צווישען וועלכע עס געפינען זיך 100 קינדער און זיבעציג ווייבער. די עמיגראנטען האבען זיך דריי וואכען געמאטערט אין וועג ביז זיי זיינען אנגעקומען קיין רוסלאנד.

די שחארצעמאה'ניקעס שלאפען ניט.

אין פעטראגראד האט דער הויפט-שטאב פון דער געהיימער „קאמארע“ ארויסגעגעבען א באפעל צו אלע הויז-קאמיטעטען, אין וועלבען עס ווערט שטרענג אנגעזאגט נאכצושפירען אלע „באלשעוויקעס און זשידעס“, וואס וואוינען אין יעדען הויז, ווי אויך צונויפנעמען די גענויסטע ידיעות וועגען זיי, כדי אין איין טאג זיי אלעמען אויסצוקוילען.

די פינסטערע כחות, ווייזט אויס, טוען זיך זייער ארבעט און מאכען אלערליי „קאמארעס“, כדי ארויסצוטרעטען ביי א גינסטיגען מאמענט.

דאס אומקערען פון די היימלאזע.

דער סעקרעטאר פון מאסקווער קהלה-ראט מ. קליינמאן האט זיך געווענדעט אין אידישען קאמיסאריאט מכח דער פראגע פון רעעוואקואציע. דער אידישער קאמיסאר האט פארגעלעגט צו גרינדען ביים קאמיסאריאט א שטענדיגע קאמיסיע, אין וועלכער עס זאלען אריינגעהען פארשטעהער פון די אידישע ארגאניזאציעס און פון דער מאסקווער קהלה.

די פראגע וועט באטראכט ווערען אויף אן'אלגעמיינער זיצונג פון אלע אידישע ארגאניזאציעס.

פאגראם-אגיטאציע.

אין ארשא און קורסק ווערט כסדר געפירט א פאגראם-אגיטאציע געגען אידען. די אידישע באפעלקערונג האט איבערגעלעבט שרעקליכע טעג.

דאנער רעגירונג און די אידענפראגע.

אינ'ם באפעל פון דער דאנער רעגירונג, וואס איז ארויסגעגעבען געווארען דעם 12 מאי, ווערט צווישען אנדערס געזאגט: ווידער איינפירען דעם געזעץ פונ'ם 20 מארט 1917 וועגען אבשאפען די רעליגיעזע און נאציאנאלע באגרענצונגען פאר ראסטאווער און טאגאנראגער אקרוגען; פאר די איבעריגע ערטער בלייבט די פראגע אפען ביז זי וועט באשלאסען ווערען דורכ'ן גרויסען מיליטער-קרייז“.

גרוזענבערג און די פאלקס-פארטיי.

דער „מאגענבלאט“ איז מודיע, אז א. גרוזענבערג איז ארויסגעטראטען פונ'ם צענטראל-קאמיטעט און אויך פון דער פאלקס-פארטיי גופא.

קאנפערענץ פון „צעירי-ציון“.

אנהויב מאי איז אין מאסקווע פארגעקומען א קאנפערענץ פון „צעירי-ציון“ די קאנפערענץ האט געעפענט דער מיטגליד פון צענטראל-קאמיטעט א. מונטשיק, וועלכער האט אנגעוויזען אויף דער נויטיגקייט ווידער צוזאמענבינדען די איינצעלנע ארגאניזאציעס, וועלכע זיינען איבערפעדים פון די איינצעלנע ארגאניזאציעס, וועלכע זיינען איבערגעריסען געווארען, און אבגעמאלט דעם עקאנאמישען חורבן, וואס הערשט אויף דער אידישער גאס. דערנאך זיינען באערט געווארען מיט אויפשטעהן דער אנדענק פון טשלענאוו'ן און באראכאוו'ן.

אין פרעזידיום זיינען אויסגעקליבען געווארען גרובמאן, גאלדבערג און ארנאוו.

ס'איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע וועגען פראטעסטירען געגען די פאגראמען און באשלאסען געווארען שיקען מיטפיהלענדע טעלעגראמען ושלענאוו'ס ווייב און דעם צענטראל-קאמיטעט פון פועלי-ציון.

אויף דער ערשטער זיצונג איז אסך באהאנדעלט געווארען די פראגע וועגען זעלבשוץ און די „החלוץ“-באוועגונג. די מיטגלידער פון צעירי-ציון האבען גענומען א שטארקען אנטייל אין דער באוועגונג. די מיטגלידער פון „החלוץ“ גרייטען זיך תיכף נאך דער מלחמה איבער פארען קיין ארץ-ישראל און דארט זיך פארנעמען אויך מיט דער אלגעמיינער ציוניסטישער ארבעט.

די אידען אויפ'ן דאן.

מען שרייבט אונז פון ראסטאוו: ווען די נייע דאנער רעגירונג מיט'ן גענעראל קראסנאוו בראש האט פארעפענטליכט א באפעל לויט וועלכען עס ווערען אבגעשאפט אלע געזעצען און פארארדנונגען פון דער צייטווייליגער רעגירונג האבען זיך די אידען, וואס לעבען אין די שטעט פון דער „דאנער מלוכה“ זעהר באונרוהיגט. מען האט עס אויסגעטייטשט, אז עס ווערט בטל די אידישע גלייכבארעכטיגונג. א אידישע דעפוטאציע האט באזוכט דעם גענעראל קראסנאוו און געמאכט איהם אויפמערקזאם אויף דער מורא פון די אידען. דער גענעראל האט ערקלערט, אז די אידען ווילען האבען אלע רעכט, נאר די רעגירונג וויל פשוט מאכען א טיפען תהום צווישען דעם, וואס איז געווען ביז איצט און דעם וואס עס וועט געשאפען ווערען ווייטער.

אין א טאג-צוויי ארום האט דער „דאנסקאי קראי“ פארעפענטליכט פארגענדען באפעהל. דער געזעץ פון 20 מארט 1917 וועגען אפשאפען די רעליגיעזע און נאציאנאלע באגרענצונגען איז ניט חל אויף ראסטאווער און טאגאנראגער געגענטן, וועגען די איבעריגע געגענדען פון דער מיליטערישער טעריטאריע פארבלייבט די פראגע דער ווייל אן אפען ביז דער גרויסער מיליטערישער קרייז וועט זי באשליסען.

די קאמיסארען פאר אידישע ענינים.

דער קאמיסאר פאר אידישע ענינים ביי דער ראטען-מאכט, וועלכער איז גלייכצייטיג אויך א מיטגליד פון דער קאמיסיע צו פארווירקליכען דעם שלום-אבמאך, האט זיך געווענדעט צו די אידיש ארגאניזאציעס אין רוסלאנד, זיי זאלען איהם צושטעלען מאטעריאלען וועגען דער אידישער לאגע אין צוזאמענהאנג מיט דער רעאליזירונג פון די שלום-באדינגונגען און אויך א רשימה פון די געליטענע היזקות בשעת'ן דייטשען אנגריף.

דער קאמיסאריאט איז מודיע, אז אינגיכען וועט ער אנהויבען פינאנסירען די אידישע שולען און לעגט פאר די בילדונגס-חברות דעלעגירען פארשטעהער אין קאמיסאריאט.

דער פעטראגראדער קאמיסאריאט פאר אידישע ענינים האט זיך געווענדעט צו די קאמיסארען פון די בענק מיט א בקשה ניט ארויסצוגעבען קיינע געלדער אויף די טשעקען פון די אידישע געזעלשאפטליכע אנשטאלטען אהן זיין ערלויבניס.

פוילען.

פרעסע-שטרייק אין ווארשא.

אין ווארשא האבען די ארבעטער פון די דרוקערייען ארויסגעשטעלט א פאדערונג וועגען העכערן זייער לוין אויף 100 פראצענט. די ארויסגעבער האבען מסכים געווען נאר אויף

[illegible] פּראָצ.; די ארבעטער האבען פון זייער זייט פארקלענערט די פאדערונג ביז 58 פּראָצ. די צדדים האבען זיך ניט אויסגעגלייכט און אלע ארבעטער האבען פארשטרייקט. שוין דריי וואכען, אז די ווארשעווער צייטונגען געהן ניט ארויס. עס געהן אויך ניט ארויס די אידישע צייטונגען: „היינט", „מאָמענט", „דאס אידישע וואָרט", „הצפירה" און „דאס אידישע פאלק".

די צענטראַל-קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פוילען האט באַפוילען די אדמיניסטראַציעס פון „הצפירה" און „דאס אידישע ווארט" קומען צו אַן'אויסגלייך מיט די זעצער און ניט נעמען אַנטייל אינ'ם לאָקאַאוט פון די אַרויסגעבער.

אַמעריקא'ס הילף פאַר פוילען.

לויט דין-וחשבון פון „הילפס-פאראיין פון די דייטשע אידן" האט דער דאזיגער פאראיין איבערגעשיקט קיין פוילען ביז דער צייט, וואס אמעריקא האט ערקלערט דייטשלאנד א מלחמה, [illegible] מיט אַ האלבען מיליאָן. איצט ווערט די געלד-שטיצע פון אמעריקא פאַר די פוילישע אידן דורכגעפירט דורכן נייטראַלען האָלענדישען הילף-קאָמיטעט. א סך מיליאנען זיינען איבערגעשיקט געוואָרען אויך דורך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין דייטשלאַנד און עסטרייך.

קהלה-שטייער.

די לאָדזער גמינע-פאַרוואַלטונג האט אין פרינציפּ אָנגענומען דעם פּראָעקט וועגן רעפאַרמירן דעם גמינע-שטייער, וועלכער וועט פון איצט אָן זיין א הכנסה-אָפּצאָל פון די צאָלערס. דורך דעם וועט פעסטגעשטעלט ווערן א נאָרמאַלער שטייער לויט דער הכנסה פון די שטייער-צאָלערס.

ווידער באָיקאָט.

אין דער פוילישער אנטיסעמיטישער צייטונג „דוואַ גראָשאַ" איז לעצטענס ווידער איינגעפירט א נייע רובריק: „אינדוסטריע און האנדעל" כדי, ווי די רעדאקציע איז מודה, צו האבען די מעגליכקייט בעסער און גענויער ארומצורייזן די עקאנאמישע פראגן און די לעזער זאל זיין גרינגער צו אָריענטירען זיך אין דער באַוועגונג, וואס האט באַקומען א ברייטע אויפקלערונג אייניגע יאר פאר דער מלחמה. די באַוועגונג איז צייטווייליג געוועזען אונטערדריקט דורך דעם, וואס די אויפמערקזאמקייט איז געוועזען אָפּגעצויגען אויף דער מלחמה.

הגם מען רעדט ניט וועגען אידען, נאר ס'איז לייכט זיך אנצושטויסען, וועמען און וואס מען מיינט.

אַ אידישער אויבער-ראַט.

ווי מען איז מודיע פון ווארשא, וועלן נאך די וואלען צו די נייע אידישע קהלות אין ווארשא און אין לאדז זיך אנהויבן די וואלן צום אידישן אויבער-ראט. כמעט אין אלע גרעסערע און קלענערע שטעט האבען זיך שוין די וואהלען אין די קהלות געענדיגט. מיר וועלן אויף אזא אופן האבען אין פוילען א ועד הקהלות, ווי עס ווערט איצט געפלאנט אין אוקראינע און רוסלאנד.

שול-צוואַנג אין חדרים.

אין צוזאמענהאנג מיט דער אויסארבייטונג אין פוילישען קולטוס- און אינטעררייכס-מיניסטעריום א פּראָיעקט איינצופיהרען אלגעמיינעם שול-צוואַנג, איז אין דער לעצטער זיצונג פון „אגודת המלמדים" פארגעקומען אַ בעראַטונג, און מען האט בשלאסען משתדל צו זיין זיך, אז די חדר-קינדער זאלען נישט דארפען זיין געצוואונגען צו געהן אין די שולען. א בזונדערע דעלעגאַציע איז אבגעפאהרען צום רבי'ן פון אלעקסאַנדר, כדי צו מאכען אַ פאַרשטעלונג וועגען דעם בײַם מיניסטעריום. אויסער דעם האט א דעלעגאַציע באזוכט דעם לאָדזער רב, וועלכער האָט צוגעזאָגט אין נאָמען פון „אגודת הרבנים" אין פוילען צו שטיצען די השתדלות פון די מלמדים.

עסטרייך.

ווידער פּאָגראָמען אין גאַליציען.

פון קראַקוי איז אָנגעקומען א ידיעה, אז דעם 15 מאַי איז אין דעם דערבייאיגען שטעטל וועליטשקא פאָרגעקומען א שרעקליכער פּאָגראָם אויף אידען. עס זיינען צערויבט געוואָרען אסך אידישע געשעפטען, אסך אידען זיינען לייכט און שווער פארוואונדעט. דער שאָדען באַטרעפט ביז א מיליאָן קראָן.

א מיליטער-אָבטיילונג איז אָנגעקומען פון קראַקוי און אָבגעשטעלט די רויבערייען.

אַ פּאָגראָם אויף אידען איז פּאָרגעקומען אויך אין שטעטל דאָבטשיצא נעבען וועליטשקא.

אַנטיסעמיטישע אָנפראַגע.

אין עסטרייכישען פארלאַמענט האָט זיך דער קריסטליכער דעפּוטאַט ד"ר יעריאַבעק (סאָציאַליסט) געווענדעט צום בילדונגס-מיניסטער אַן'אינטערפּעלאַציע וועגען דעם, וואָס רעכענט דער מיניסטער צו טון געגען דעם איבערפלוס פון אידישע סטודענטען אין ווינער אוניווערזיטעט און צי וואָלט ניט גלייכער געווען איינפירען פאר די סעמיטישע צוהערער א פּראָצענט-נאָרמע לויטן פּראָצענט, וועלכען זיי בילדען אין עסטרייך.

די אידישע פּאָגראָמען און די עסטרייכישע רעגירונג.

אלס תשובה אויף דער אינטערפּעלאַציע פון די אידישע פאָרשטעהער וועגען די אַנטיסעמיטישע אומרוהען האָט דער אינערן-מיניסטער טאָגענבורג ערקלערט, אז די עסטרייכישע רעגירונג באַדויערט און באַרורטיילט די דאָזיגע עקסצעסען. די מיטלען, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען פון דער אָרטיגער פאַרוואַלטונג, זיינען דאָריבער נישט געווען קיין גענוגענדע, ווייל צוליב די איצטיגען פאַרהעלטנישען זיינען נישט אומעטום פאַראַן גוטע, זיכערע אָרגאַנען פון דער מאַכט. דאָס מיניסטעריום האָט שוין אָנגענומען געוויסע מיטלען און ארויסגעגעבען שטרענגע באַפעהלען; אויף די ערטער איז שוין איינגעשטעלט געוואָרען פולע רוהע. דער מיניסטער האָט פאַראורטיילט די האַלטונג פון דער צענזור און וועט איר געבען געהעריגע אָנווייזונגען.

ליטא.

אָבגעברענט אידישע שטעט.

פאר צוויי וואָכען זיינען אין ליטא פאָרגעקומען גרויסע שרפות אין די שטעט וואָלאָזשין און ראסיעניין

אַלץ איז חרוב געוואָרען. טויזענטער אידען זיינען געבליבען אָהן א דאך און האָבען פארלוירען זייער גאַנץ פאַרמעגען.

פון ביידע שטעט ווענדעט מען זיך מיט בקשות וועגען הילף מיט געלט, מלבושים און פּראָדוקטען.

מיט א צייט פריהער איז אָבגעברענט געוואָרען סלאָנים. דריי אידישע שטעט זיינען אויף אזא אופן חרוב געוואָרען.

פּראָפעסאָר אַדאָלף (אהרן) באַגינסקי.

אין בערלין איז געשטאָרבען דער באַרימטער פּראָפעסאָר ד"ר אַדאָלף (אהרן) באַגינסקי אין עלטער פון 75 יאָר. באַגינסקי איז געוועזען א תלמיד פון דעם פּראָפעסאָר ווירכאוו. אין יאָר 1890 איז באַגינסקי געוואָרען הויפּט-דירעקטאָר פונ'ם גרויסען קייזערין-פרידריך-שפּיטאָל פאַר קינדער אין בערלין און ער האָט זעהר פיל אויפגעטאָן כדי אויסצובעסערען דעם געזונד-צושטאַנד פון די קינדער אין בערלין. ער האָט אויך געשריבען אסך וויסענשאַפטליכע מאָנאָגראַפיעס איבער דער פּראַקטישער מעדיצין און איז געוועזען דער רעדאַקטאָר פון די וויסענשאַפטליכע זשורנאַלען: „די צענטראַל צייטונג פאַר קינדער היילקונדע", „ארכיוו פון קינדער-היילקונדע". די דייטשע צייטונגען רופען אָן דעם פּראָפ. באַגינסקי אלס „דער מיניסטער פון דער דייטשער קינדער-היילונגס וויסענשאַפט". צווישען אנדערע האָט ער אויך אָנגעשריבען א בראָשור „די היגיענישע באַדייטונג פון תורת משה".

אמעריקע.

די אידען אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי.

דער פּרעזידענט פון דער אידישער פאַראייניגונג אין אַמעריקע לואי מאַרשאַל האָט זיך געווענדעט צום קריגס-מיניסטער מיט אַ מעלדונג וועגען דער שלעכטער באַהאַנדלונג פון אידען אין דער אַמעריקאַנישער אַרמיי. נישט קוקענדיג אויפ'ן גרויסען מאַנגעל אין אָפיצירען זיינען קיין אידען ביז איצט ניט באַשטימט געוואָרען פאַר אָפיצירען.

דער פּרעזידענט ווילסאָן האָט זיך אויך געמוזט אַריינמישען אין דער זאַך און אָנגענומען מיטלען געגען דער שלעכטער באַציהונג פון קריגס-מיניסטעריום צו אידען.

נאַציאַליסטען-אידען אין ניו-יאָרקער מוניציפּאַליטעט.

ביי די לעצטע וואַהלען אין ניו-יאָרקער מוניציפּאַליטעט זיינען אויסגעוועהלט געוואָרען אייניגע אידען, צווישען זיי ברוך טשאַרני (וולאַדעק), וועלכער איז געוועזען באַוואוסט אין די בונדישע קרייזען פון רוסלאַנד אלס א אויסגעצייכענטער שרייבער און רעדנער.

ארץ-ישראל

געזעלשאַפט פאַר דער עקאָנאָמישער אויפלעבונג פון פּאַלעסטינע.

פון פּעטראָגראַד זיינען ערהאַלטען געוואָרען גענויע ידיעות וועגען דער ניט לאַנג געגרינדעטער „געזעלשאַפט פאַר דער עקאָנאָמישער אויפלעבונג פון פּאַלעסטינע" (אזא געזעלשאַפט ווערט איצט אויך געגרינדעט אין קיעוו).

הגם די איניציאַטיוו געהט ארויס פון די ציוניסטישע קרייזען און די אקטיווסטע טוער זיינען ציוניסטען, איז דאָך די געזעלשאַפט אַן'אימפּאַרטייאישע, נייטראַלע, וואָס איר ציל איז בלויז צו אַנטוויקלען אין פּאַלעסטינע מסחר, אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט צוציהענדיג צו דעם צוועק דעם קאַפּיטאַל און ארבייטס-קראַפט פונ'ם רוסישען אידענטום.

די אויספיר-אָרגאַנען פון דער געזעלשאַפט זיינען שוין פאָלשטענדיג קאָנסטרואירט. דער קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט באַשטעהט פון 17 פּערזאָן (פאָרזיצערס — מ. נ. קריינין (פאָלקס-פּאַרטיי), ב. א. גאָלדבערג (ציוניסט) און ב. י. נעססען (קאַדעט); קאַזנאַטשיי — י. ח גרינבערג; סעקרעטאַר — י. ש. גאָלדבערג). אחוץ דעם זיינען געבילדעט געוואָרען ביי דער געזעלשאַפט דריי אָבטיילונגען: 1) אַן'אַגריקולטורעלע (לאַנדווירטשאַפטליכע), 2) א טעכנישע און 3) אַן'עקאָנאָמיש-פינאַנציעלע. די ערשטע צוויי אָבטיילונגען — די לאַנדווירטשאַפטליכע און טעכנישע — באַאַרבייטען די פּראָיעקטען און אויפגאַבען, וואָס ווערען אָנגעמערקט דורכ'ן קאָמיטעט. די דריטע אָבטיילונג האָט איר אויפגאַבע, ערשטענס, צו באַטראַכטען די אויסגעאַרבייטע פּראָיעקטען מצד זייער עקאָנאָמישער צוועקמעסיגקייט און, צווייטענס, ווען זיי ווערען באַשטעטיגט, צוציהען די נייטיגע מיטלען פאַר זייער רעאַליזירונג.

פון א גאַנצער שורה פּראָיעקטען, וואָס זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען, זיינען איצט פאָלשטענדיג פאַרענדיגט און באַשטעטיגט דורך דער עקאָנאָמיש-פינאַנציעלער אָבטיילונג פאָלגענדע צוויי: 1) בויען אַ ביימאַיל-פאַבריק אין פּאַלעסטינע, 2) איינריכטען אַ האָטעל-קוראָרט אין יפו. אויף צו רעאַליזירען די דאָזיגע אונטערנעמונגען זיינען שוין געשאַפען געוואָרען די נייטיגע קאַפּיטאַלען און אָרגאַניזירט ספּעציעלע אַקציאָנערע געזעלשאַפטען. אין דער נאָהענסטער צייט ווערט געגרינדעט אין א נייטראַל לאַנד א קרעדיט-אַנשטאַלט, אַ מין באַנק, מיט אַ גרונד-קאַפּיטאַל פון 25 מיליאָן מיט'ן צוועק צו פינאַנסירען די קינפטיגע פּאַלעסטינישע ווירטשאַפט.

פאַר דער לעצטער צייט איז אין מאָסקווע געגרינדעט געוואָרען אַ ריי געזעלשאַפטען מיט ענליכע אויפגאַבען. איצט איז פאָרגעקומען א באַראַטונג מיט זיי און ס'איז באַשלאָסען געוואָרען צו בילדען אַ צענטראַל-ביוראָ, אין וועלכען אַלע געזעל

שאַפטען וועלען זײַן פאָרגעשטעלט אויף אַווטאָנאָמע יסודות.

פון מאַי אָן גיט די געזעלשאַפט אַרויס אַ ספּעציעלען זשורנאַל „ארץ ישראל“, וואָס וועט זײַן געווידמעט אַלע פראַגען פון דער פּאַלעסטינע-אויפבויאונג.

אינ'ם זשורנאַל נעמען אַנטייל פאָלגענדע מיטאַרבעטער:

ב. א. גאָלדבערג (רעדאַקטאָר), אַגראָנאָם א. ס. פּאַבריקאַנט, אינזשענער ב. ב. אימטערמאַן, אינזשענער י. א. קאַססעל, פּריוואַט-דאָצענט וו. ר. אידעלסאָן, פּריוואַט-דאָצענט י. י. לעווין, געשוואָרענער אַדוואָקאַט י. ש. גאָלדבערג א. א.

אינ'ם ערשטען נומער געפינען זיך פאָלגענדע אַרטיקלען: רעדאַקציאָנס אַרטיקעל; ב. א. גאָלדבערג. די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון פּאַלעסטינע; י. מ. קולישער: פּאַלעסטינע אויף די וועגען פון די וועלט-באַציהונגען; ב. כ. אימער-מאַן: עלעקטרישע באַהנען אין פּאַלעסטינע; ב. ד. ברוצקוס: די לאַנדווירטשאַפט אין פּאַליסטינע און אירע פּערספּעקטיוועז.

לויט די תקנות פון געזעלשאַפט קאָנען אין איר אַרײַנטרעטען אַלס מיטגלידער אַלע, וואָס פיהלען מיט אירע צילען און ווערען באַשטעטיגט דורכ'ן קאָמיטעט. דער יערליכער מיטגליד-אָפצאָל באַטרעפט 2 רובל.

גרויסע מעגליכקייטען.

אין דער „אַלגעמיינער אידישער צײַטונג“ געפינען מיר אַ אינטערעסאַנטען אַרטיקעל פון ה' גראָס (ירושלים), וועלכער שטעלט זיך אָב אויספירליך אויף די רײַכע מעגליכקייטען פאַר דער אַנטוויקלונג פון לאַנדווירטשאַפט, האַנדעל און אינדוסטריע וועלכע זײַנען פאַרבאָרגען אין דעם באָדען פון ארץ-ישראל.

אין די לענדער פון מזרח הירדן, נחלת ראובן, גד וחצי שבט מנשה, עמון ומואב, וואו די ווילדע בעדואינען באַאַרבייטען כמעט גאָרנישט דעם באָדען, ווײַל זייער אַקער איז פון האָלין מיט אַיין אײַזערנעם שפּיץ, וועלכער קריצט קוים אויף די ערד אויף 10 סאַנטימעטער טיף און קערט נישט איבער אַפילו די איפּגעריסענע ערד-שטיקער, וואו מען באַמיסטיגט די ערד קיינמאָל נישט שוין זייט הונדערטער יאָרען—באַקומט מען אַ שניט פון ווײַץ 40-50 מאָל מער, ווי די זריעה און אַמאָל אַפילו אויך 60—און 100 מאָל מער. מען דאַרף אָבער אויך נישט פאַרגעסען, אַז בײַ זייער אויפן שניידען און דרעשען די תבואה געהט נאָך פאַרלוירען אַ גרויסער פּראָצענט קערנער, ווײַל מ'שניידט מיט טעמפּע סערפּעס און מען דרעשט דורכ'ן טרעטען מיט די פיס אָדער מיט אַ הילצערנעם שליטען. אין דער געגענט פון טבריא גיט דער שניט פון ווײַץ 8—10 מאָל מער, ווי די זריעה איז געוועזען, פון גערשטען— 10-15 מאָל מער און פון קאָרן און האָבער—12-15 מאָל מער. די אײַלבירטען הייבען-אָן געבען 40 פּראָצ. הכנסה נאָך 6 יאָר פון זייער פאַרפלאַנצונג און נאָך 20—25 יאָר—אַפילו 200 און 300 פּראָצענט פון אַרײַנגעלעגטען קאַפּיטאַל; דער אָראַנזשען-בוים איז מכניס לויט אַ פאָרזיכטיגער שאַצונג, 5—16 פּראָצענט. דער מאַנדעלבוים גיט הכנסה 400 פראַנק פון העקטאַר. אין ארץ-ישראל וואַקסען אויך און ברענגען גרויסע הכנסה מילגראַמען, ציטראָנען, פערסיקען און אַבריקאָסען, ווי אויך דער בוים פון ריצין-אײל באַנאַנען, יאָהאַניסברויט און ענדליך אתרוגים. מיט גרויס ערפאָלג קולטיווירט מען דאָרט ווײַנטרויבען, בוימוואָל, זײַד און טאַבאַק.

מען זאָגט געוועהנליך, אַז אין ארץ-ישראל איז פאַראַן ווייניג רעגען. דאָס איז אָבער נישט ריכטיג, ווײַל לויט אַ גענויער סטאַטיסטיק באַקומט ארץ-ישראל דורכשניטליך 600 מילימעטער רעגען אין יאָר, בעת אונגאַרן, למשל, באַקומט נור פון 5 ביז 6 הונדערט, קרים נור 224 און מזרח-רוסלאַנד נור 160 מילימעטער רעגען. בלויז אָראַנזשען, ציטראָנען און אתרוגים דאַרף מען באַוואַסערן דורך אַ מאָטאָר.

אויך די אינדוסטריעלע מעגליכקייטען אין ארץ-ישראל זײַנען גאַנץ בעדײַטענדע און אויב ביז איצט האָט די אינדוסטריע זיך דאָרט שוואַך אַנטוויקעלט, איז די סבה דערפון געוועזען, וואָס די טערקײַ איז געוועזען געבונדען דורך די אייראָפּעאישע מלוכות צו באַשטימען אַ קלײנעם אָבצאָל פאַר זייערע אַרײַנגעפירטע סחורות און דעריבער האָבען די אָרטיגע פאַבריקאַנטען נישט געקאָנט קאָנקורירען מיט די אויסלענדישע.

אין ארץ-ישראל איז פאַראַן אַ גרויס געביט פאַר דער פאַבריקאַציע פון אײלען, זײַף, קאָנסערווען פון פרוכטען, ירקות און אַלערלײ פישען פון די בעסטע מינים, וואָלענצײַג, זײַד, לעדער, פּאַרפומען, פּאַפּיר, צוקער, ציגעל, גלאָזוואַרג א. אַז. וו. קאָלאָסאַלע מאַסען אַספאַלט בײַם ים המלח קאָנען געבען אונערשעפּליכע אוצרות פאַר דער אינדוסטריע.

אין יפו און ירושלים.

אַלע, וואָס זײַנען צוריקגעקומען קיין יפו, האָבען געטראָפען זייערע הײַזער און געשעפטען אונבאַרירט. די לאַגע איז אין אַלגעמיין באַפרידיגענד. אין יפו אין ירושלים זײַנען צוריק געעפענט געוואָרען די שולען.

אין יפו איז אײַנגעאָרדענט געוואָרען אַ אידיש שפּיטאָל. עס איז אויך דאָרט געגרינדעט געוואָרען אַ אידישע לײַה-און שפּאַר-קאַסע. אין יפו און ירושלים זײַנען געגרינדעט פרידענס-געריכטען, דערבײַ איז בײַם פּאַלעסטינאַ-אַמט געשאַפען געוואָרען אַ העכסטעס פרידענס-געריכט. צו פאַרוואַלטען מיט יפו און די קאָלאָניעס איז צײַטווײַליג געשאַפען געוואָרען אַ קאָמיטעט. ירושלים האָט אַ באַזונדערע פאַרוואַלטונג. עס ווערען געמאַכט הכנות צו אַן אַלגעמיינער קאָנפערענץ פון די פאַרטרעטער פון'ם גאַנצען אידישען ישוב אין פּאַלעסטינאַ. דאָס אַקטיווע און פּאַסיווע וואַהל-רעכט וועלען האָבען אַלע מענער און פרויען אין פּאַלעסטינאַ ווערט איצט פיל געלערענט העברעאיש. עס זײַנען געעפענט געוואָרען אָבענד קורסען פאַר דערוואַקסענע.

די ציוניסטישע דעלעגאַציע.

די ציוניסטישע קאָמיסיע מיט ד"ר ווײַצמאַן בראש איז נאָר וואָס צוריקגעקומען פון אַ באַזוך אין די אידישע קאָלאָניעס פון יהודה, זי האָט באַזוכט ראשון-לציון, נס ציונה, רחובות, עקרון קאַסטינאָוו (באר טוביה) גדרה, באר יעקב, נחלת יהודה און פתח תקוה.

אין אַלע קאָלאָניעס איז אײַנגעאָרדענט געוואָרען אַ באַגײַסטערטער קבלת פנים.

אַלע קאָלאָניעס, וואָס זײַנען באַזוכט געוואָרען, געפינען זיך אין אַ באַפרידיגענדיגער לאַגע. עס הערשט אַ שטאַרקער דוחק אין מענשען-בגדים און אין פיה, פינאַנציעלע הילף קען אַמבעסטען געגעבען ווערען דורך לאַנג-טערמינינע הלואות.

די קאָמיסיע איז איצט פאַרנומען מיט אויסאַרבײַטען די געזאַמעלטע מאַטעריאַלען וואָס זײַנען נוגע דעם ווידער-אויפבויען און וועט אין גיכען אָפּגעבען וועגען דעם אַ באַריכט.

איבער די צילען פון דער א"י קאָמיסיע האָט חיים ווײַצמאַן געגעבען פאָלגענדע ערקלערונגען:

די קאָמיסיע וועט פאָרטרעטען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַלץ, וואָס איז נוגע די אידען און דער פאַרווירקליכונג פון דער ענגלישער דעקלאַראַציע; פאַרבינדען די ענגלישע מאַכט מיט דער אידישער באַפעלקערונג; זיך פאַרנעהמען מיט הילף די היימלאָזע אין ארץ ישראל, מיט הילף בײַם ווידער-אויפבײַען און ווײַטערער אַנטוויקלונג פון די קאָלאָניעס, אויך אָרגאַניזירען די אידישע באַפעלקערונג; אײַנשטעלען די פרײַנדליכע באַציהונגען מיט די אַראַבער און אַנדערע ניט אידישע גרופּען; זאַמלען אינפאָרמאַציאָנס-מאַטעריאַל און אויסאַרבײַטען פּלאַנען איבער דער מעגליכקייט פון ווײַטערדיגער אַנטוויקלונג פון אידישען ישוב און פון דעם גאַנצען לאַנד.

—די ענגלישע רעגירונג האָט אויך באַפאָלען די דעלעגאַציע צו מאַכען אַלע נויטיגע שריט צום אויפבויען דעם אידישען אוניווערזיטעט אין ירושלים. די ענגלישע מיליטערישע און פּאָליטישע בעאַמטע זײַנען מחויב אָננעמען נויטיגע מיטלען פאַר אַזאַ אונטערנעמונג.

—די דעלעגאַציע האָט נאָך אין לאָנדאָן אָנגעוויזען דער ענגלישער רעגירונג אויף דער נויטווענדיגקייט אָננעהמען מיטלען כדי ניט צו דערלאָזען קיין ערד-ספּעקולאַציע. די ענגלישע רעגירונג האָט תיכף פאַראָרדענט, אַז די אָרטיגע מאַכט זאָל גלײַך די פראַגע בעטראַכטען און אָננעמען די נויטיגע מיטלען.—די קאָמיסיע באַגלײַט אַלס פאָרשטעהער פון דער ענגלישער רעגירונג—מ. קאַרע.

—ס'איז געגרינדעט געוואָרען אַ ווידער-אויפבוי-פאָנד, וועלכער האָט פאָלגענדע צוועקען: רעמאָנטירען דעם אידישען ישוב און אַלע אַנשטאַלטען אין א"י, ווי אויך פאַרגרינגערען זייער אַנטוויקלונג; מאַכען די נויטיגע הכנות אויפצובויען דעם אידישען צענטר אין א"י; פאָרטזעצען און פאַרברײַטערן די אַרבײַט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, כדי זי זאָל זײַן אימשטאַנד פאַרווירקליכען איר ענדציעל.

אין יפו.

—די באַראַטונג פון פאָרשטעהער פון אידישע אָרגאַניזאַציעס און קאָלאָניעס האָט באַשטימט ערקלערען דעם אָרטיגען פּאַלעסטינאַ-אַמט צוזאַמען מיט'ן ועד המיוחד פון די אידישע קאָלאָניעס אַלס צײַטווײַליגע פאַרטרעטונג פאַר די אַלגעמיינע ענינים. ס'איז באַשלאָסען געוואָרען צונויפרופען אַ קאָנפערענץ אויף די יסודות פון דער פיער-פאַכיגער פאָרמול. די באַראַטונג האָט אַוועקגעשיקט אַ באַגריסונג דעם ציוניסטישען אַקציאָנס-קאָמיטעט, אין וועלכער זיי פאַרזיכערען, אַז זיי וועלען מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג אַרבײַטען פאַר דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון לאַנד און שווערען טרײַ דינען דעם אייביגען פאָלקס-אידעאַל און זײַן באַפרײַאונג.

די גימנאַזיע האָט שטאַרק געליטען פון דער מלחמה. זי געפינט זיך איצט צײַטווײַליג אין זכרון-יעקב. ס'האָט זיך געעפענט אַ העברעאישע שול פאַר 230 קינדער. דער יקרות איז גרויס.

די ציוניסטישע באוועגונג.

פאלעסטינע־וואך.

ניט קוקענדיג אויף אלע מניעות מצד די באלשעוויקעס געהט דורך אין גאנץ רוסלאנד מיט גרויס ערפאלג די א״י וואך. אין מאסקווע איז צוזאמענגעקליבען געווארען העכער א האלבען מיליאן רובל, אין פעטראגראד—איבער דריי הונדערט טויזענט, וולאדיוואסטאק—ביז הונדערט טויזענד, סאמארא—50 טויזענד א. א. וו.

„עם ציון“.

די ציוניסטישע פראקציע „עם ציון“, וועלכע האט זיך געגרינדעט אין קיעוו צוריק מיט 8 חדשים, האט שוין אין דער פראווינץ א סך אבטיילונגען. די פראקציע שטרעבט צוציהען די סתם־אידען, דעם מיטלען בעל־בתישען קלאס, צו דער ציוניסטישער פאן. צו דער פראקציע שטעהען צו איבערהויבט סוחרים, קליינע קרעמערס און שוהל־אידען. וועלכע זיינען שטענדיג געווען פאסיוו אין נאציאנאלען זין.

אדרעס פון ארגאניזאציאנס־קאמיטעט:
«Амъ-Ціонъ», Кіевъ Прорѣзная 18 кв. 5,

זאמלונג פאר׳ן נאציאנאל־פאנד אין מינסק.

אין מינסק איז מיט גרויס ערפאלג דורכגעגאנגען די זאמלונג לטובת דעם נאציאנאל־פאנד. דארט ערווארטעט מען דאס אנקומען פון די מיטגלידער פון צ. ק. י. ברוצקוס פון פעטראגראד און ש׳ ראזענבוים פון ווילנע. „דער יוד“ ערשיינט ווידער מעגליך.

קאנפערענץ פון צעירי־ציון אין קיעוו.

פון 12-8 מאי איז אין קיעוו פארגעקומען א געגענד־קאנפערענץ פון דער ציוניסטישער פאלקספראקציע צ״צ, אין וועלכער ס׳האבען אנטייל גענומען העכער 60 דעלעגאטען. די קאנפערענץ האט זיך געעפענט מיט דער ערעפענונגס רעדע פון ה׳ העלפמאן, וועגען פאליטישען מאמענט האט געלעזען א פארטראג דער ה׳ בלעכמאן; נאך די וכוחים וועגען פאליטישען מאמענט זיינען אויסגעהערט געווארען די באריכטען פון די ערטער. דעם זעלבען טאג האט דער ה׳ זאק פארגעטראגען איבער דער שטעלונג פון צ״צ אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. אין די וכוחים האבען אנטייל גענומען געגעראל־רעדנער.

וועגען דער פאליטיק אין ראדע און דער פאזיציע בנוגע צום נאציאנאל־ראט האט געמאכט א מעלדונג ה׳ קאפלאן. וועגען דער עקאנאמישער מעטינקייט האט געליינט א פארטראג ה׳ אשכנזי. עס האבען אויך גערעדט: ה׳ בעלאצערקאווסקי— וועגען דער קהלה־ארבעט, ה׳ קאזיראווסקי — וועגען א״י ארבעט און „החלוץ“, ה׳ העלפמאן—וועגען ארגאניזאציאנס־ארבעט, א. קאפלאן— וועגען דער ציוניסטישער ארבעט אין פארשידענע לענדער.

וועגען נאציאנאלראט זיינען אנגענומען געווארען פאלגענדע החלטות:

נעמענדיג אין אכט די סכנה, וואס דראהט דער נאציאנאל־פערסאנאלער אויטאנאמיע, וועלכע פאדערט די פאראייניגונג פון אלע לעבעדיגע כחות אינ׳ם אידישען פאלק, געפינט די קאנפערענץ, אז דער נאציאנאלראט דארף רעארגאניזירט ווערען אויף געזונטע דעמאקראטישע יסודות כדי ער זאל באמת אבשפיגלען די כחות־פארהעלטנישען אויף דער אידישער גאס (די פראפארציע פון די וואהל־קאמפאניעס).—די קאנפערענץ איז מסכים מיט דער בזיהעריגער טאקטיק פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און אויך מיט׳ן באשלוס פון די אנפירענדע ציוניסטישע ארגאנען אריינגעהן אין נייען נאציאנאל־ראט און געפונט, אז זיין נעכסטע אויפגאבע איז צוזאמענרופען דעם אידישען צוזאמענפאר אין אוקראינע און אויב דאס וועט זיין שווער דורכפיהרען באלד, דארף דער נאציאנאל ראט צוזאמען מיט׳ן קיעווער קהלה־ראט, וועלכער האט דער ערשטער אויפגעהויבען די פראגע צונויפרופען א צוזאמענפאר פון די קהלות, וואס וועט ווערען דער צענטראלער ארגאן פון דער אידישער נאציאנאל־פערסאנאלער אויטאנאמיע. דער נ.־ר. דארף זיך ניט פארנעמען (אלס א צייטווייליגער ארגאן) מיט געזעצגעבערישע ענינים, אויב דאס פאדערט זיך ניט דורך אויסערארדענטליכע טעמים, וועלכע שטעלען דעם קיום פון דער אויטאנאמיע אין סכנה.

די קאנפערענץ פון דער פראקציע געפינט פאר נויטיג, אז די חברים פון צ״צ זאלען אין נאציאנאל־ראט בילדען א באזונדער פראקציע.

ס׳זיינען אויך ארויסגעטראגען געווארען רעזאלוציעס וועגען די ארגאניזאציאנס־פראגען, דער ארבייט אין קהלה און וועגען עקאנאמישער ארבייט.

ביי די צעירי־ציון.

די א״י־קאמיסיע ביים צ. ק. פון די צ״צ האט דעלעגירט דעם ה״ ש. קעלזאן אין בערסאנער און יעקאט. גוב. כדי איינארדנען אין די גובערניעס די ארבייט פון פארטיילען די חלוצים אין די קאלאניעס אין ספעציעלע ביוראען. די ביורא׳ן האבען די אויפגאבע צו באזייטיגען אלע ערטער, וואו עס איז

פאראן א מעגליכקייט פון ארבייט פאר די חברים די רעזולטאטען ווערען מיטגעטיילט דעם צ. ק. פון דער פראקציע, וועלכע צעטיילט די ערטער צווישען פארשידענע שטעט. אלע חלוצים קומען זיך אויף אין דאבראיע, און פון דארט ווערען זיי צושיקט אין די קאלאניעס. צום ערשטען יוני זיינען ארויסגערופען אין דאבראיע חלוצים פון: חארקאוו, קאנאטאפ, האמעל פאלטאווע, אושאמיר, איסקאראסט, ראוונע, האשט, רעציצע, א. א.

ס׳זיינען אנגענומען געווארען מיטלען איינארדנען די חברים, וואס זיינען צופעליג איבערגעבליבען אין ארעס.

—ס׳זיינען איינגעארדענט געווארען גערטנער אין: חארקאוו, קאנאטאפ, ניעזשין, באכמוט, ראסטאוו, טשערניגאוו א. א. וו.

—ס׳האבען זיך איינגעארדענט א רייהע חברים אין בעסאראבער גוב., וואו עס זיינען נאך פאראן א סך מעגליכקייטען פון ארבייט; לייְדער איז אונמעגליך צוליב דער רומענישער אקיפאציע זיך פארבינדען מיט די קאלאניעס אין יענעם קאנט.

די קאמיסיע ארבייט אויס א פ־אן פון ארבייט לטובת דעם אידישען נאציאנאל־פאנד.

די ארץ־ישראל קאמיסיע האט צושיקט א ספעציעלע אנקעטע צו די פראקציאנס־קאמיטעטען, וואו עס ווערט געפאדערט צו שיקען גענייע ענטפערען אויף די אלע פראגען, וואס זיינען אונז נויטיג צו וויסען צוליב קענען ווייטער אנפירען די ארבייט.

דער א״י קאמיסיע האט זיך איינגעגעבען צו קויפען א גרעסערע צאהל זעהר וויכטיגע ביכער און בראשורען אין אלע געביטען פון לאנדווירטשאפטליכע קולטור, צו א ביליגען פרייז; עס זיינען צונויפגעשטעלט געווארען קאמפלעקטען פון די ביכער יעדער קאמפלעקט ענטהאלט ביז 50 ביכער, און וועט קאסטען אן ערך 45 רובל.

די ביכער זיינען וויכטיג אין פרט פון טעאָרעטישער אויסבילדונג פון די חברים פון „החלוץ“.

וולאדימיר יאקובסאן.

פון מאסקווע איז אנגעקומען די טרויעריגע ידיעה, אז דארט איז אויפ׳ן 57־טען לעבענס־יאר געשטארבען דער באקאנטער ציוניסטישער טוער מיטגליד פון דער ערשטער דומע ידער חבר וולאדימיר יאקובסאן.

מיט יאקאבסאנען איז אראב פון דער אידישער נאציאנאל־פאליטישער ארענע איינער פון אירע טעטינסטע און איבערגעבענסטע קעמפער; די אידישע נאציאנאלע און ארבעטענדע מאסען האבען אין אים פארלוירען דעם בעסטען פארטיידיגער פון זייערע אינטערעסען.

בשעת דער רעוואלוציע פון 1905 יאר האט דער פארשטארבענער געשפילט אן׳אנגעזעהענע ראלע און איז אויסגעקליבען געווארען אין דער ערשטער דומע, וואו ער איז צוגעשטאנען צו דער „ארבייטס־גרופע“ און איז געווען סעקרעטאר פון דער קאמיסיע פאר אנפ־ראגען.

נאך דער צווייטער רעוואלוציע, פון 1917 יאר, האט אים דאס מאסקווער אידענטום געשיקט אין דער שטאט־דומע און אויפ׳ן אלרוסלענדישען אידישען צוזאמענפאר.

וולאדימיר יאקובסאן האט גרויסע פארדינסטען פאר׳ן אידישען פאלק.

גענויער וועגען גרויסען מנוח — אין קומענדיגען נומער.

צווישען אנדערע פעלקער.

אין קאווקאז.

פון טיפליס זיינען אנגעקומען ידיעות, אז דעם 26 מאי איז זיך די קאווקאזער רעגירונג צעפאלען און די קאווקאזער רעפובליק עקזיסטירט מער ניט. דער סיים האט זיך אבגעזאגט פון זיינע פאלמאכטען.

גרוזיען איז געווארען א זעלבשטענדיגע מלוכה.

אין טיפליס ווערט געגרינדעט א דייטש־קאווקאזער האנדעלס־פאלאטע.

טערקיי האט ארויסגעשטעלט אן׳אולטימאטום וועגען באהעפטען צו איר איינינע אייעזדען פון קאווקאז, ווי נאכיטשעוואנער, עריוואנער, אלעקסאנדראפאלער א. א., און אויך א פאדערונג אהן שטערונגען דורכלאזען זייער חיל. אויף צוגעבען ענטפער אויף דעם אולטימאטום איז געגעבען געווארען 72 שטונדען.

„וואזראזשדעניע“.

דעם 29 מאי איז אין מאסקווע ערשינען א נייע צייטונג „וואזראזשדעניע“ (אויפלעבונג). אינ׳ם לייט־ארטיקל ווערט געזאגט: „מיר לעבען אין די גרייסטע טעג, ווען עס ווערט געבוירען די רוסישע נאציע. די אויפגאבען פונ׳ם איצטיגען מאמענט זיינען: איינוואורצלען אין דער וועלט־אנשויאונג פונ׳ם פאלק דעם געדאנק, אז דער קאמף פאר נאציאנאלער אויפלעבונג איז ענג פארבונדען מיט׳ן קאמף פאר די קלאסען־אינטערעסען פון די ארבעטענדע מאסען. העלפען דעם פאלק איבערלעבען זיין שרעקליכע אנטוישונג און אנצינדען אין אים דאס הייליגע פייער פון באגייסטערטער ליבע צו א פרייען, דעמאקראטישען, אבער איינהייטליכען, אומאבהענגיגען רוסלאנד“.

אין דער צייטונג האבען זיך אנגעהויבען דרוקען קערענסקי׳ס כתבים.

* * *

חשבון פון די סומען,

וועלכע זיינען אנגעקומען אין קיעווער געגענד-ביורא פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון כ' סיון ביז א" תמוז התרע"ה.

פאר'ן נאציאנאל-פאנד.

חמעלניק פאד, גוב. געזאמלט אויף: א
ליטעראַרישען אָווענד 200 ר. — ק.
" " " פורים 254 " 30 "
" " " ל"ג בעמר 592 " 26 "
" " חתונה פון מאטקאָוועצקי 50 " — "
" " תנאים פון יאגודים 17 " — "
" " " סלעפּאי 44 " 25 "
טשעטשעלניק " " ל"ג בעמר 323 " 65 "
פּאָוואָלאָטש קיעוו. גוב. תנאים בײַ בידערמאן
און פליישמאן 19 " — "
" " " תנאים בײַ זידאָוועצקי
און העכט 10 —
" " " פערשיעדענע זאמלונג. 7 " — "
" " " א חלק הכנסה פון א
ספּעקטאַקל 136 " — "
אשאמיר וואל. גוב. פערשיעד. זאמלונגען 158 " 37 "
גארינגראד " " " " 20 " — "
ס"ה 1831 ר. 83 ק.

פאר'ן הערצלס וואלד.

אורוטש וואל. גוב. פון י. ראהלעווסקי און
ס. בוריבים צו זייערע תנאים 17 בוימער 153 ר.
ס"ה 17 בוימער 153 ר.
צוזאמען מיט'ן פאריגען 108 בוימער 972 ר.

פאר'ן פאנד צו גרינדען א קאלאניע אין א"י
אויף ד"ר טשלענאווס נאמען.

חמעלניק פאדאלער גוב.
פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע 600 רובל.
ס"ה 600 רובל.

אינ'ם גאלדענעם בוך.

חמעלניק פ. ד. גוב. פארשרייבען דעם „הזמיר"
צו גרינדונג, חנוכה תרע"ח אין חמעלניק 300 רובל.
ס"ה 300 רובל.

שקלים-געלט.

חמעלניק פאד גוב. 50 רובל
אשאמיר וואל. גוב. 236 "
גארינגראד " " 6 "
סטעפאן " " 200 "
ס"ה 492 רובל.
צוזאמען מיט'ן פאריגען 1200 רובל.

פארטיי-שטייער.

חמעלניק, פאד. גוב. 100 רובל.
גארינגראד וואל. גוב. 44 "
ס"ה 144 רובל.

פאר די נעליטענע אידען אין פוילען און אין ליטא.

שדה-לבן קיעוו. גוב. פון די לעהרער און
שילערינען פון דער ציוניסט. פרויען שולע 100 רובל.
ס"ה 100 רובל.

פאלעסטינא-וואך.

גארינגראד וואל. גוב. 30 רובל.
ס"ה 30 רובל.

באמערקונג: אין נומער 6 „אויף דער וואך" אין די חשבונות פון די אנגעקומענע סומען אין קיעווער געגענדס-ביורא דארף מען לייענען:

פאר'ן נאציאנאל-פאנד:
אויפ'ן ארט פון קאפיגאראד — קיטייגאראד.
" " " ניי-סיניאווא — אלט-סיניאווא.
" " " ריאחאווצי 154 ר. 75 ק. 104 ר. 75 ק.
פאר'ן הערצעלס-וואלד:
אויפ'ן ארט פון פאוואלאטש 6 בוימער 64 ר. — 54 ר.
" " " איטשניא ס. פון 1 בוים 6 ר. — 9 ר.
" " " ס"ה 61 ביימער 91 בוימער.
פארטיי-שטייער:
אויפ'ן ארט פון זדאלבונאוו 130 ר. 88 ק. — 130 ר. 90 ק.

רעדאקטאר מ. גראססמאן.
ארויסגעבער י. כהנאוו.

די טעג ערשיינט דער ערשטער נומער פון גרויסען פעריאדישען
הומאריסטיש-סאטירישען זשורנאל

„דער אשמדאי"

מיט זעהר רייכען אינהאלט אויף פערשידענע פאליטישע און געזעלשאפטליכע טעמען. א סך קינסטלערישע בילדער, קאריקאטורען און שארזשען.

אינ'ם זשורנאל נעמען אנטייל די בעסטע אידישע ליטעראטען-הומאריסטען און סאטיריקער.

צו באקומען ביי אלע צייטונגס-פערקויפער און אלע בוכהאנדלונגען און אויף אלע וואקזאלען.

ארויסגעבער: בוכהאנדלונג ס. נאדפאן, קיעוו.

דרוקערי „התחיה" גרויס וואסילקאווסקאיא 22

אויף דער וואַך

ארגאן פון ציוניסטישען געדאנק

פרייז 85 קאַפּ.
אויף די וואָקזאַלען 90 ק.
דער פרייז פאר מודעות: א שורה — 75 ק.
די רעדאקציע איז אפען פון 11 ביז 1.

ערשיינט
וועכענטליך.
№ 8.

„ДЕРЪ ТЕЛЕГРАФЪ"
„ОЙФЪ ДЕРЪ ВАХЪ"
КІЕВЪ,
Б.-Васильковская 72.

פרייטאג, 28 יוני 1918 קיעוו. י"ח תמוז, התרע"ח.

אינהאלט: דער פערצענטער יאָרצײַט; די צײַטווײַליגע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג; געאָרג בראַנדעס: מײַן שטעלונג צום נאַציאָנאַלען אידענטום; מ. גראָסמאַן: מען זוכט א רעאַקציע; י. שעכטמאַן: פלעכאַנאָווס טראַגעדיע; ש. האָמעלסקי: פאראייניגונג און דיפערענצירונג; מ. מערעמינסקי: וול. יאַקאָבסאָן; ל. אַלין: פון דער פינסטערער פארגאנגענהייט; דער קריזיס פון דער אידישער אַטאָנאָמיע; דאָס אידישע לעבען אויף אוקראַינע; אין די נײַע קהלות; אין דער אידישער וועלט; ארץ-ישראל; די ציוניסטישע באַוועגונג; צווישען אנדערע פעלקער; ליטעראַרישע נײַעס; מודעות.

דער פערצענטער יאָרצײַט.

אין טאָג אין יאָר, כ' תמוז, ווערט די גאַנצע ציוניסטישע וועלט איינגעהילט אין א טיפען, שטילען טרויער. כוואַליעס פון אומעטיגע זכרונות פאַרפלייצען אונזערע הערצער, רייסען אונז אַרויס פון די טאָג-טעגליכע וואכעדיגע דאגות, און שאַפען אַ דערהויבענע שטימונג. טעאָדאָר הערצל'ס פריהצייטיגער טויט איז שוין פון לאנג אָן ניט בלויז אַ שוואַרצער יאָרצײַט, נאָר אויך א נאַציאָנאַלער געדיינק-טאָג, ווען פאַר די אויגען פון דעם אומגליקליכען אידישען פאָלק ווערט לעבעדיג — אין זײַן גאַנצער גרויסקײַט און גאונישאַפט — דאָס בילד פון'ם אונפאַרגעסליכען פירער און קעמפער, וועלכער האָט אונז איבערגעלאָזט א הייליגע ירושה: דעם חלום וועגען אַ פאָלק, וואָס ערוואַכט צו אַ פרײַען, זעלבסטשטענדיגען לעבען, דעם היסטאָרישען טרוים, וואָס איז לויט הערצל'ס נביאות „שוין נאָר ניט אזוי ווײַט פון דער ווירקליכקײַט".

און הײַנטיגען כ' תמוז, אין דעם פערצענטען יאָרצײַט פון הערצל'ס טויט, ווען מיר שטעהען באמת בײַ דעם שוועל פון אונזער לאַנד, ווען גרויסע מעגליכקײַטען אנפלעקען אין דערנעענטערען צו אונז ארץ ישראל, הײַנט איז אונזער צער אין טרויער באזונדערס גרויס. דער שאַפער פון דער ערשטער אידישער וועלט-טריבונע, דער בויער פון אונזער מעכטיגער אָרגאַניזאַציע און אירע אינסטיטוטען, דער מוטיגער קעמפער און פירער איז פאַרמשפט אומבאוועגליך צו ליגען אונטער אַ שווערען שטיין אויפ'ן פרעמדען ווינער בית-עולם. בלויז אונזערע מחשבות באַהעפטען זיך מיט זײַן אומשטערבליכען גײַסט, נור אין די הערצער פון די פאָלקס-מאַסען וועבען זיך בסדר קווייטען פון רירענדע לעגענדען, וועלכע באַצירען זײַן אָנדענק מיט א העלדען-קראַנץ.

צו אים און צו זײַן ווערק דאַרפען געווענדעט ווערען כ' תמוז אַלע אידישע בליקען. דער אַרבײַט פאַר זײַנע שאַפונגען דאַרף געווידמעט ווערען דער טאָג פון טרויער, כדי ער זאָל פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ טאָג פון מעשים און טאַטען.

די צייטווייליגע נאציאנאלע פארזאמלונג.

מיט וואס עס וועט זיך ענדיגען דער קאמף, וואס די ציוניסטישע פראקציעס פירען אינ'ם צייטווייליגען נאציאנאל־ראט, איז נאך שווער פאראויסצוזאגען, אבער איינע פון אונזערע הויפט־פאדערונגען, אז עס זאל וואס גיכער צונויפגערופען ווערען א בארעכטיגטע נאציאנאלע פארשטעהערשאפט, וואס זאל מאכען א סוף מיט דער פאליטיק פון די ביז־איצטיגע אונבארופענע פארזארגער—דער דאזיגער פארלאנג אונזערער האלט ביי מקוים ווערען. און דוקא א פארשטעהערשאפט פון די קהלות וועט זיין די צייטווייליגע נאציאנאלע פארזאמלונג, אהן שום צופעליגע פארטיי־עלעמענטען, וועגען וועלכע עס האבען אזוי געזארגט אונזערע סאציאליסטישע פארטייען, וועלענדיג אריינשמוגלען אין דעם ועד הקהלות פופציג מיטגלידער פונ'ם אמאליגען נאציאנאל־ראט. בלויז דורך אונזער ווידערשטאנד איז מבוטל געווארען דער פלאן צו שאפען א קינסטליכע מערהייט און פאלסיפיצירען אויף דעם פארפארלאמענט.

ס'איז איבעריג צו אונטערשטרייכען די גרויסע באדייטונג פון די וואהלען, וואס וועלען פארקומען אין אלע קהלה־ראטען, אין משך פון דריי טעג, דעם 14—16. ביי די איצטיגע פאליטישע באדינגונגען, ביי דעם תהו־ובהו, וואס הערשט אויף דער אידישער גאס, ניט רעדענדיג שוין פון דער סכנה, וואס דראהעט אלע ארגאנען פון דער אוטאנאמיע מיט די קהלות בתוכם, קען די צייטווייליגע נאציאנאלע פארזאמלונג, ניט קוקענדיג אויף אלע חסרונות פון איהר צוזאמענשטעלונג, זיין די איינציגע געזעצליכע פארשטעהערשאפט פונ'ם אוקראינישען אידענטום, וואס זאל אויסארבייטען די פראגראם פון אונזערע נאציאנאלע פאדערונגען און אנצייכענען די פארמען פון אונזער נאציאנאלען לעבענס־שטייגער. די פראגען וועגען דעם טיפ און דער קאמפעטענץ פון די קהלות, די שפראך פון דער פאלקס־שול, דער צוואנגס־שטייער, די צוקונפט פונ'ם מיניסטעריום—די אלע וויכטיגסטע פראבלעמען פונ'ם אידישען לעבען וועלען מוזען געלעזט ווערען דורך דעם אויטאריטעט פון דער צייטווייליגער נאציאנאלער פארזאמלונג.

איין מאל פאר אלעמען מוז פעסטגעשטעלט ווערען אין וועמענס הענט זאל איבערגעגעבען ווערען דער גורל פונ'ם אידישען פאלק, וועמען עס געהערט מיט רעכט די מאכט, וועלכע עס האבען בעת דער רעוואלוציע פארכאפט אונזערע סאציאליסטישע פארטייען און אויסגענוצט אזוי זיי אומפאראנטווארטליך.

אונזער אויפגאבע אין דער צייטווייליגער נאציאנאלער פארזאמלונג איז קלאר: מיר מוזען שאפען ארום אונזער פראגראם א פעסטע און זיכערע מערהייט, וועלכע זאל דורכפירען אין לעבען אנ'אייסגעהאלטענע און ווירדיגע נאציאנאלע פאליטיק. מיר געהען אינ'ם ועד הקהלות, כדי אבצוהיטען די עראבערטע פאזיציעס פון דעם אווטאנאמען אידישען לעבען, שאפען פאר די קהלות א געזונטען יורידישען און פינאנס עלען באדען, רעגולירען די שול־פראגע און גרינדען שטענדיגע אינסטיטוציעס, וואס זאלען שטעהען בראש פונ'ם אידישע פאלק אויף אוקראינע ביז דער אלאוקראינישער נאציאנאלער פארזאמלונג.

די ציוניסטישע ארגאניזאציע, וועלכע האט איהרע פלייצעס איבערגעטראגען די גאנצע משא פונ'ם קאמף פאר א דעמאקראטישע פארשטעהערשאפט פון די קהלות, איז אויך איצט, ערב די וואהלען, טיף איבערצייגט, אז דער גורל פון דער צייטווייליגע נאציאנאלער פארזאמלונג איז ענג צונויפגעבונדען מיט יענער פאליטיק, ביי וועלכער די נאציאנאלער אינטערעסען זיינען דער מקור און יסוד פון דער גאנצער טעטיגקייט.

פאר אלע נאציאנאלע עלעמענטען, וואס זיינען נאהענט צו דעם ראזיגען שטאנדפונקט, פאר אלע גרופען ניט־סאציאליסטישע ראטמענער, וועלכע שטעהען צווישען די קעמפענדע פאליטישע פארטייען און זיינען נאהענט צום פאלק, מוז אונזער פראגראם ווערען דער נאטירליכער צוציהונגס־צענטר. די אויפגאבע פון אונזערע חברים אויף די ערטער איז קלאר צו מאכען אונזער באציהונג צו די הויפט־פראגען פונ'ם אידישען לעבען, געווינען פאר אונז די סימפאטיע פון יענע ראטמענער, וועלכע זעהען פאקטיש אין אונזער פראגראם דעם אויסדרוק פון זייערע מיינונגען. זאלען זיי וויסען, ווער עס האט יא צוטרוי צו דער נאציאנאלער פארזאמלונג און ווער נ[illegible] האט געוואלט באגרעניצען זייער קאמפ[illegible] [illegible] ווער עס האט געקעמפט געגען דעם.

[illegible] זייערע חברים אינ'ם נאציאנאל־ראט האבען געקעמ[illegible] [illegible] עס־איזבאגרענעצונגען פון דער קאמפעטענ[illegible] זיי האבען פארלאנגט, אז [illegible] צייטווייליגע נאציאנאלע פארזאמלונג זאל אליין באשטימען איר קאמפעטענץ", אז זי זאל באשליסען וועלכע פראגען עס דארפען באהאנדעלט ווערען און וועלכע ניט. און הגם אונזער רעזאלוציע האט באקומען 35 שטימען פאר און 25 געגען, ערקלערען די סאציאליסטען, שטיצענדיג זיך אויף זייער באשלוס אינ'ם אלטען נאציאנאל־ראט, אז די אויסבעסערונג איז ניט אנגענומען.

פאר דער נאציאנאלער פארזאמלונג עקזיסטירען ניט, נאטירליך, קיין שום באגרענצונגס־החלטות, בפרט פון א ניט־געוועהלטער צופעליגער אינסטיטוציע, און אונזערע חברים וועלען אינ'ם ועד הקהלות האנדלען פריי, ניט האבענדיג קיין שום התחיבות בנוגע צו דער רעזאלוציע פון דער מינדערהייט אינ'ם נאציאנאל־ראט, וואס וויל אונז צווינגען מיט דער קראפט פון דער אויסערער מאכט צו באגרעניצען דעם קרייז פון פראגען, וועלכע שטעהען אויפ'ן סדר־היום פון דער אידישער פאליטיק.

מיר גלייבען, אז די איצטיגע וואהלען וועלען נאך אמאל דעמאנסטרירען אונזער קראפט און השפעה, דעם כח פון אונזער געדאנק און גערעכטיגקייט פון אונזערע פאדערונגען. דער נצחון פון אונזערע צעטלען וועט קודם כל באדייטען א נצחון פונ'ם געזונטען אידישען נאציאנאלען אינסטינקט, וואס גליט ביי די בעסטע פון אונזער פאלק.

* * *

צוויי ציוניסטישע צעטלען וועלען פיגורירען בעת די וואהלען אין דער צייטווייליגער נאציאנאלער פארזאמלונג: דער צעטל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און דער צעטל פון דער „ציוניסטישער פאלקס־פראקציע" (צעירי ציון). די ביידע צעטלען געהען ארויס פון איין מקור, זיי זיינען נאהענט איינער צום צווייטען. דורך דער זעלבער באציהונג צו די אויפגאבען פון דער ציוניסטישער און אידישער פאליטיק אויף אוקראינע זיי געהערען ניט צו פיינדליכע גרופען און קאנקורירען ניט צווישען זיך. בלויז רעכענענדיג זיך מיט דער געשאפענער לאגע אויף די ערטער און מיט סתירות אין געוויסע פראגען פון פראגראם און טאקטיק, בלייבענדיג טריי דעם פרינציפ פון אינערער פרייהייט און ניט וועלענדיג בינדען די ברויזענדע כחות מיט אויסערע מיטלען, האט דאס ציוניסטישע צענטראל־ביורא מסכים געווען, אז עס זאלען פיגורירען צוויי באזונדערע צעטלען.

מיר האפען, אז די חברים אויף די ערטער וועלען באגרייפען די ערנסטקייט פון דער לאגע. זיי וועלען אויף קיין איין רגע ניט פארגעסען, אז די ביידע צעטלען, וועלכע דריקען אויס די מיינונגען פון צוויי פליגלען אין דער איינהייטליכער ציוניסטישער באוועגונג דארפען קודם כל געווענדעט ווערען מיט איין פראנט כלפי־חוץ. וועגען א קאמף צווישען זיך קאן, נאטירליך, קיין רעד ניט זיין. באזונדערס מארשירען, אבער פאראייניגט שלאגען. אין דעם ליגט דער נצחון.

מיין שטעלונג צום נאציאנאלען אידענטום.

דער ארטיקעל פון ג. בראנדעס געהערט צו יענע מענשליכע דאקומענטען, וועלכע רופען ארויס ערנסטע מחשבות און געבען א מעגליכקייט אריינצוקוקען אין די טראגישע נשמות פון די אוועקגעגאנגענע און צוריקגעקומענע אידען. שוין דאס אליין, וואס בראנדעס האט צוגעשיקט זיין ארטיקעל דעם ציוניסטישע, חודש־זשורנאל „דער יודע" איז א באווייז פון יענער טיפער איבערקערעניש, וועלכע עס האט איצט איבערגעלעבט דער גרויז־גרויער דענישער קריטיקער.

פון דעם 15־טען יאר אן ביז מיין זעכציגסטען לעבענס־יאר איז פאר מיר דאס אידענטום געווען בלויז א רעליגיאן. כ'האב אינ'ם אידענטום געזעהען ניט אנדערש, ווי א רעליגיאן, און דוקא א רעליגיאן, וועלכע איז נאך דערצו ניט מיינע.

א טייל פון מיין לעבען האב איך פארבראכט אין אן אנטיקלעריקאלען קאמף, און אנטקעגען דעם קריסטענטום האב איך ארויסגעשטעלט מיין שטאנדפונקט פון פרייען געדאנק; דאס איז ניט קיין אידישער שטאנדפונקט.

די אידען פון מערב־איראפע, וועלכע רעדען דעניש, פראנצויזיש, ענגליש, דייטש, האבען זיך (זייט זיי האבען באקומען בירגערליכע גלייכבארעכטיגונג) געוועהנליך געפיהלט פשוט אלס דענער, פראנצויזען, ענגלענדער, דייטשען. און האבען זיי געהאט רעליגיעזע איבערצייגונגען, איז זייער נאציאנאלע שטעלונג דערפון געבליבען לחלוטין אומבארירט. מיינע איבערצייגונגען שטאמען פון שפינאזא—און ער איז געווען ניט נאר פאראכטעט פון די קריסטען, נאר אויך ארויסגעשטויסען פון דער סינאגאגע.

אזוי איז עס שוין געווען, אז אלס א איד האב איך מיך געפיהלט נאר דאן, ווען מען האט מיך געזידעלט אלס א אידען—דאס איז פארגעקומען אבער, פארשטעהט זיך, זייט דעם ערשטען טאג פון מיין עפענטליכען ארויסטרעטען. איך בין אריינגעשלעפט געווארען אין הונדערטער ליטערארישע פאלעמיקען, אבער, מיט איין אויסנאם, האט קיין איין איינציגער פון מיינע געגנער, ווען עס האבען אים נאר אויסגעפעהלט ארגומענטען, ניט פארגעסען צו דערמאנען וועגען מיין אידישער אבשטאמונג.

אזוי ארום האב איך בשום אופן ניט געקאנט פארגעסען, אז איך בין א איד, אדער ריכטיגער געזאגט, אז אלס פאלשטענדיגער דענער קאן איך ניט אנערקענט ווערען ניט אין דענעמארק און ניט אין אויסלאנד.

דאס ווארט אסימיליאציע האט אין מיינער יוגענט־צייט ניט עקזיסטירט. כ'האב דאס ניט געהערט

ביז איך בין אַלט געוואָרען 50 יאָר. איך קאָן בשום אופן ניט צוגערעכענט ווערען צו די אזוי גערופענע אַסימילאַנטען. ביז מיין 22-טען געבורטס-יאָר האָב איך אויף קיין אַנדער שפּראַך ווי דעניש ניט גערעדט; איך קאָן נאָך אצינד ניט קיין איין וואָרט העבּרעאיש; איך בין אויסגעוואַקסען אין דעניש-נאַציאָנאַלען לעבענס-שטייגער און באַגריפען. כ'האָב פון דערהיים, סיי שפּראַכליך און סיי קולטורעל, אין זיך ניט געהאַט קיין אידישליכעס און די „אַסימילאַציאָן" האָט ביי מיר פשוט גאָרניט ניט געקאָנט און ניט געהאַט וואָס צו נעמען.

איך בין אַזוי אַלט, אַז כ'האָב דאָס 1848 יאָר איבערגעלעבט. ווען מ'האָט מיך אין 1849 געשיקט אין דער שול, איז נאָך דאַמאָלס געגאַנגען דער באַפרייענדער שטורם איבער אייראָפּע. די אידישע תּלמידים האָט מען דאַמאָלס אין די שולען ניט נור ווייניגער ניט געזאַכטעט, נאָר אפילו באַהאַנדעלט זיי אויף'ן פּריווילעגירטען אופן, ווייל מ'האָט געוואָלט פאַרריכטען די אַלטע חטאים וועלכע מ'איז באַגאַנגען געגען זיי. ניט מצד די לערער און ניט מצד די חברים איז מיר ניט אויסגעקומען אפילו דאָס מינדעסטע צו ליידען.

פערזענליך האָב איך דאָס אידענטום קיינמאָל ניט באַטראַכט אַלס אַ פאָלק. איך האָב מסכּים געווען מיט רענאַנ'ס מיינונג, וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט אין די 80-גער יאָרען אין זיין בוך „דער יודאַאיזם", אַלס ענטפער אויף דעם אַנטיסעמיטיזם, אַז דאָס אידענטום איז אַ רעליגיע, אָבער בשום אופן ניט קיין ראַסע.

רענאַן האָט אויפגעוויזען, אַז אויך אַ סך ניט-סעמיטישע עלעמענטען זיינען אַריינגענומען געוואָרען אין דעם סעמיטישען שטאַם, אַז די מערב-אייראָפּעאישע אידען שטאַמען טיילווייז פון פראַנצויזען, די מזרח-אייראָפּעאישע-טיילווייז פון די כּוזרים (חאַזאַרען). וועלכע האָבען צוריק מיט טויזענט יאָר אָנגענומען די אידישע רעליגיע. רענאַן האָט ערקלערט די באַזונדערקייט פון די אידישע טיפּען מיט דער השפּעה פונ'ם געטאָ-לעבען. אין אונזערע צייט, — האָב איך געשריבען (1905), — האָבען געלערנטע און שאַרפזיניגע פאָרשער, ווי, למשל, דער פראַנצויזישער שרייבענדער גאָלדשטיין, אויפגעוויזען די אומנאָרמאַלע בלוט-מישונג, פון וועלכער עס איז אין אַלטערטום אַרויסגעקומען דער העבּרעאישער שטאַם, און די פאָרשער זיינען געווען נוטה צו דער מיינונג, אַז די אידען פון דער שפּעטערער צייט זיינען ניט קיין סעמיטען. די ריינקייט פון דער ראַסע איז יעדענפאַלס אין אַ ספק.

עד היום בין איך גאַנץ זיכער, אַז קיין אידישע „ראַסע" איז ניטאָ. אייב איך בין אַ צייט לאַנג געווען געגען דער מיינונג, אַז די אידען בילדען אַ „נאַציאָן", נעמט זיך עס דערפון, וואָס געוועהנליך פאַרשטעהט מען אונטער אַ נאַציאָן איין געזאַמעלטעס גאַנצעס, וועלכעס האָט אפשר ניט שטענדיג אַ געמיינזאַמען וואוין-אָרט, פאַרמאָגט לכל הפחות אַ געמיינזאַמע שפּראַך. אין מערב-אייראָפּע, וועלכע איך האָב אַליין גוט געקענט, זיינען די אידען ניט געווען פאַראייניגט דורך אַ געמיינזאַמע שפּראַך. אין מזרח-אייראָפּע, וועלכע כ'האָב שוין יאָ באַזוכט, וועגען וועלכער כ'האָב אָבער אַלענפאַלס ווייניג געוואוסט, זיינען די אידען קיינמאָל ניט געווען אייניג וועגען דעם, צי אַחוץ די לאַנדס-שפּראַכען איז אידיש אָדער העבּרעאיש זייער שפּראַך. אפילו וועגען זייער אייגען לאַנד האָבען די ציוניסטען ניט געהאַט איינע און די זעלבע מיינונג.

ווען הערצל איז אַרויסגעטראָטען אין יאָר 1896, האָט ער אַליין נאָך ניט געוואוסט, צי ער זאָל אויסקלייבען בעסער אַרגענטינע אָדער פּאַלעסטינע פאַר'ן ציל פון דער אייסוואַנדערונג. נאָך אין 1905 האָט דער פאָרשלאַג פון דער ענגלישער רעגירונג צו געבען די אידען אוגאַנדע אַריינגעבראַכט אַ צעמישונג אין די רייהען פון די ציוניסטען. איינינע זיינען געווען פאַר אוגאַנדע, אַ סך געגען. ווי אומזיכער איז אויסערדעם געווען אונטער אַבדול האַמיד'ס הערשאַפט פּאַלעסטינע אַלס אַ קינפטיגע היים! מ'האָט געקאָנט מורא האָבען, אַז ווען די אידען וועלען דאָרט דערגרייכען אַ וואוילשטאַנד, וועלען די מאַחמעדאַנער זיי באַהאַנדלען אַזוי, ווי די קורדען האָבען באַהאַנדעלט די אַרמענער אין ארץ-אררט.

אויף וויפיל עס האָט זיך געקאָנט אויסווייזען פאַר'ן יאָר 1905, אַז ס'איז נייטיג אַ מאַסען-אויסוואַנדערונג פון רוסלאַנד, אויף אַזוי פיל האָט בעת דער רעוואָלוציע פון 1905 יאָר געשיינט פאַר מעגליך דאָס ווייטערע פאַרבלייבען אין דעם דאָזיגען לאַנד.

די דאָזיגע געדאַנקען האָבען מיך אָבער קיינמאָל ניט צוריק געהאַלטען צו פּרובען טון דאָס מעגליכסטע, כּדי צו דערוועקען די עפענטליכע מיינונג, ווען נאָר די אידען פלעגען אָנהייבען ליידען פון רדיפות.

נאָך צוריק מיט 25 יאָר האָב איך אויפגעהויבען מיין שטים לטובת די רוסישע אידען. דערנאָך, אַ סך מאָל, פאַר די רומענישע. איך האָב געקעמפט פאַר אַלפרעד דרייפוסעס אונשולד פאַר איין ניט-פראַנצויז, פאַר קלעמאַנסאָן און אַנדערע פראַנצויזען; זעקס יאָר כּסדר האָב איך וועגען זיין פּראָצעס געשריבען. איך בין אויך אַרויסגעטראָטען לטובת די פינלענדישע אידען און צולעצט פאַר די פּוילישע. דאָס האָט מיר געקאָסט אַ סך סימפּאַטיעס, ווייל איך בין פריהער געווען אָהן שום פּניה באַליבט ביי פראַנצויזען, פינלענדער, פּאָליאַקען.

דאָך האָט מען מיך אין משך פון דרייסיג יאָר גערודפט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אידישער פּרעסע. שטענדיג אָבער זיינען געגען מיר אַרויסגעשטעלט געוואָרען די נאַרישסטע באַשולדיגונגען. נאָך אין 1914, ווען כ'האָב באַזוכט צפון-אַמעריקע, איז אין דער אידיש-אַמעריקאַנער פּרעסע געבראַכט געוואָרען אַנ'אַנעקדאָט, אַז כ'האָב פאַר אַ רוסישען קאָנסול פאַרלייקענט מיין אָבשטאַמונג. כ'האָב מיט קיין רוסישען קאָנסול ניט גערעדט און צו אַזעלכען קיינמאָל ניט געשריבען. זעלטען אָבער פלעג מען מיך אין אַ אידיש בלאַט אָהן כּעס און האַס דערמאָנען. אפילו מיינע באַמיהונגען לטובת די אידען פון פינלאַנד זיינען פאַרקערט אויסגעטייטשט געוואָרען. איך מוז נאָך באַטאָנען, אַז מ'קאָן גאָר ניט תּופס זיין, ווי שווער עס איז אַרויסצוטרעטען מיט אַ וואָרט לטובת אונטערדריקטע אידען. מען באַגעגענט ניט-אונטערדריקטע אידען אויף דעם וועג. כהאָב געשריבען וועגען די רומענישע אידען. דער אויפזאַץ איז איבערגעגעבען געוואָרען דעם „אַליאַנס איזראַעליט" אין פּאַריז צום פאַרעפענטליכען. דאָרט האָט מען זיך אָבגעשטעלט דאַרויף, וואָס מען האָט מיין איבערזעצער געדאַרפט געבען 150 פראַנק (איך אַליין האָב גאָרניט פאַרלאַנגט, נאָר די 150 פראַנק פאַר אים). דער אויפזאַץ האָט געזאָלט געדרוקט ווערען אין אַ גרויס עסטרייכיש בלאַט, אין וועלכען איך בין דאַמאָלס געווען אַ זעהר אָפטער מיטאַרבייטער; ער איז געבליבען ליגען. דער אויסרייד איז געווען, וואָס ס'איז שוין געווען גרייט אַסך מאַטעריאַל פאַר'ן בלאַט. די אמתע סבּה האָט באַדאַרפט זיין די פינאַנציעלע שייכות צו דער רומענישער רעגירונג.

די לעצטע יאָרען האָט זיך מיין שטעלונג צו דער אידישער פראַגע זעהר געענדערט. די אידען פון מערב-אייראָפּע קאָנען, לויט מיין מיינונג, כמעט גאָר ניט אַריינגענומען ווערען אין חשבון. נאָר אין מזרח-אייראָפּע זיינען פאַראַן אידישע פאָלק-מאַסען, אין וועלכע עס דרעמלען גרויסע שעפערישע כחות, און זיי האָבען דאָס רעכט צו מאַכען דעם פּרוב איינצואָרדענען זיך אַלס אַ נאַציאָן אויף אַנ'אייגענעם באָדען. צוריק מיט 22 יאָר האָב איך דאָס ניט פאַרשטאַנען און ניט געוואוסט. ווען הערצל האָט, שיקענדיג מיר גלייכצייטיג זיין בוך „דער יודענשטאַאַט" געשריבען מיר און געפרעגט ביי מיר אַ מיינונג, האָב איך אים געענטפערט מיט ליצנות דורכ'ן פאָלגענדען אַנעקדאָט: פרידריך ווילהעלם דער פערטער פון פּרייסען האָט געפרעגט דעם באַנקיר מענדעלסאָן, וואָס וועט ער זאָגען וועגען דער אידעע פונ'ם קעניג אומצוקערען די אייראָפּעאישע אידען צוריק קיין פּאַלעסטינע. מענדעלסאָן האָט דערויף געענטפערט: „איך וואָלט פאַר מיינעטוועגען געבעטען צו ווערען דער געזאַנדטער פון דער נייער מלוכה אין בערלין. הערצלען האָט דער דאָזיגער לייכטזיניגער ענטפער פאַרשאַפט אַ סך יסורים. ער האָט מיר געשריבען, אַז איך האָב גאָר קיין באַגריף ניט, צו וואָסער אַ געזעלשאַפט איך שליס מיך צו מיט אַזאַ מין ענטפער.

פון דער צייט אָן זיינען שוין אַ סך וואַסערן דורכגעפלאָסען. די שנאה צו אידען איז אומעטום שטאַרק אויסגעוואַקסען. אין אַלע לענדער ניט מען די אידען צו פאַרשטעהען, אַז מען רעכענט זיי ניט צו די אייגענטליכע איינוואוינער פון לאַנד. דערצו איז דער בעסטער מיטל צו שאַפען אַ אייגען לאַנד. אַחוץ דעם—גאַנץ וואונדערבאַר—הגם עס קומט ניט פאָר קיין רעליגיעזע אויפלעבונג פונ'ם אידענטום, האָט נאָר דעם אידענטום אַרומגעכאַפּט אַ געוואַלטיגער נאַציאָנאַלער ענטוזיאַזם. די אידען פון רוסלאַנד, פּוילען, אַמעריקע ווייזען אַרויס סימנים פון אַ נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט. און הגם איך בין פאָלשטענדיג אַ קאָסמאָפּאָליט, געניסט די דאָזיגע באַוועגונג מיינע פולע סימפּאַטיע. זי איז באַרעכטיגט, ווייל זי איז נאַטירליך און לעבענספעהיג. נאָכדעם ווי זי האָט זיך געשטעלט פּאַלעסטינע פאַר אַ ציל, און נאָכדעם ווי דער געדאַנק צו באַזעצען דאָרט די אידען איז אָנערקענט געוואָרען פאַר באַרעכטיגט מצד אַסך רעגירונגען, פאַרשטעהט זיך, נאָך ניט פון דער טערקישער, ווייזט אויס, אַז דער ציוניזם האָט פאַר זיך די צוקונפט.

ביז 1914 איז ניט געווען קיין אַנדער פאָלק, וואָס איז מיר געווען נאָהענטער צום האַרצען, ווי דאָס פּוילישע. דערצו האָבען ווייניג אַנדערע פעלקער אַרויסגעוויזען מיר פערזענליך אַזויפיל סימפּאַטיע. ס'איז דאַריבער געווען אַ שווערער קרבן, וועלכען איך האָב געבראַכט אַלס מיין חוב, ווען איך בין 1914 עפענטליך אַרויסגעטראָטען געגען דער שלעכטער באַהאַנדלונג פון אידען מצד די פּאָליאַקען. כ'האָב נאַאיוו געגלויבט, אַז מ'וועט אין דער פּוילישער פּרעסע, וועלכע קען מיינע שטאַרקע סימפּאַטיע צו די פּאָליאַקען, נעמען אין אַכט מיין ווענדונג. דאָס איז אָבער איינע פון די ערגסטע ערפאַרונגען אין מיין לעבען, אַז אויף אַזאַ ערנסטער פראַגע זאָל מען געבען אַזאַ ענטפער, און פון דאַמאָלס אָן איז די פיינדליכע באַציהונג פון די פּאָליאַקען צו די אידען געבליבען די זעלבע.

די אידען האָבען פולע רעכט אויף אייגענע שולען, וואו דאָס לערנען זאָל זיין אין דער אידישער שפּראַך, און פולע רעכט אויף זעלבסטפאַרוואַלטונג

אין זייערע אינערליכע ענינים. ערשט ווען זיי וועלען זיין אימשטאַנד אַליין צו באַשטימען זייער גורל, וועלען זיי — ביי זייערע פעהיגקייטען — קאָנען ערפילען די גרויסע אויפגאַבען, וועלכע די געשיכטע האָט פאַר זיי געשטעלט.

צו די דאָזיגע אויפגאַבען געהערט די פאַרווירקליכונג פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע. די אידען ווילען באַקומען די מעגליכקייטען צו האָבען אַ צענטר אין פאַלעסטינע. אין משך פון אַ געוויסער צייט וועט די אידישע געזעלשאַפט דאָרט זיין צו שוואַך, כדי צו קאָנען אַרויסצעווייזען אַ פּאָליטישען איינפלוס. די דאָזיגע השפעה וועט אָבער פון טאָג צו טאָג וואַקסען. און עס איז קיין ספק ניט, אַז די קאָלאָניזאַציע פון פאַלעסטינע וועט זיין אַ גרויסע מאָראַלישע שטיצע פאַר די אידען, וואָס זיינען צוזייט און צושפּרייט איבער אייראָפּע.

נאַטירליך וועלען די אַנטיסעמיטען דורכדעם באַקומען אין די הענט נאָך אַ קאָרט. ביי יעדער דיסקוסיע וועלען זיי אויסשרייען: „גייט אַהין, וואוהין דו געהערסט!“ נאָר אַזעלכע ווערטער אַליין זיינען נאָך ניט געפערליך. די באַדייטונג פון אידען וועט אַסך געשטאַרקט ווערען, ווען יעדער וועט קאָנען זעהען, אַז אַ גרויסער טייל פון׳ם אידישען פאָלק פאַרנעמט זיך מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט אויף אַן אייגענעם באָדען און ערפילט אַלע פליכטען, וועלכע עס פאָדערט אַ זעלבסשטענדיג נאַציאָנאַל לעבען פון אַ פאָלק.

איך האָב מיט גרויס אינטערעס צוגעזעהען די התחלה פון׳ם נייעם אידישען לעבען אין פאַלעסטינע, דאָס גרינדען פון די קאָלאָניעס, דאָס אַנטשטעהען פון דעם מאָדערנעם אידישען קוואַרטאַל אין יפו און חיפה, די איינריכטונג פון די העברעאישע שולען און די שריט צו שאַפען אַ נייע אידישע קונסט און ליטעראַטור, און ס׳איז ביי מיר קיין ספק ניט, אַז אָט דאָס אַלץ איז מסוגל צו אַ גרויסאַרטיגער און ווייט באַדייטענדער אַנטוויקלונג, וואָס וועט געהן איבער די גרענעצען פון ארץ-ישראל.

קאָפּענהאַגען. **געאָרג בראַנדעס.**

מען זוכט אַ רעאַקציע.

ס׳איז קאָמיש און משונה׳דיג, אָבער עכט גלות-אידיש: אונזערע פּאַטענטירטע סאָציאַליסטען און רעוואָלוציאָנערען חלש׳ן ממש נאָך אַ ברעקעל רעאַקציע, זיי נעהען אויס נאָך אַן אמת׳ער קאָנטער-רעוואָלוציע אויף דער אידישער גאַס, ווי זי איז באַשריבען אין די פּאָפּולערע פאָלקס-ביכלאַך. אָט איז שוין באַלד פינף וואָכען, וואָס זיי האַלטען איז נאַציאָנאַל-ראַט כסדר נודנע דעמאַגאָגישע דרשות, און וועלכע זיי באַמיהען זיך מיט אַלע כחות אַלעמען צו איבערצייגען, אַז די צייט פון דער רעוואָלוציע איז פאַרביי, אַז איצט מוז, ענדליך, קומען די שוואַרצע רעאַקציע, וואָס רייסט זיך שוין לאַנג מיט איספּעט צו דער מאַכט און באַלד-באַלד וועט זי אָנהייבען בעלי-בתיווען אויף איר באַקאַנטען שמייגער. און פאַר זיי, די סאָציאַליסטען, וועט בלייבען, נעבעך, נאָר איין ברירה: אָבצוהיטען און באַוואָרענען דאָס, וואָס זיי האָבען פריהער געשאַפען.

און וואָס אָפטער זיי חזר׳ן איבער זייערע ווערטער, אַלץ איבערדריסיגער ווערען זיי, ווייל... די רעאַקציע, די אידישע רעאַקציע וויל זיך פאַרט בשום אופן ניט באַווייזען אויף דער ליכטיגער וועלט, זי איז לעת עתה גאָר ניט בנמצא. ניט זי רייסט זיך צו דער מאַכט און ניט זי וויל זיי פאַריאָגען פון די עראָבערטע פּאָזיציעס, אָט די דאָן-קיכאָט׳ן פון׳ם קליינשטעטלדיגען דעמאָקראַטיזם און ראַדיקאַליזם, וואָס האַלט זיך אויף הינערשע פיסלאַך.

ווערען זיי מורא׳דיג אין כעס און שרייען אויס, ווענדענדיג זיך צו די פאַרהאַסטע ציוניסטען: — „אַז אַך און וועה איז צו אונז, וואָס פאַר אַ בורזשואַזיע איז אונז באַשערט און וואָס פאַר רעאַקציאָנערן איר זיינט. איר צאַפּעלט גאָר ניט נאָך דער מאַכט, איר פאַרמאָגט גאָר ניט דעם מוט דערצו, איר פאַרלאַנגט נאָר פּראָגרעסיווע פּראָגראַמען און קעמפּט געגען באַגרענצונגען, וואָס מיר האָבען איינגעפירט. און נאָך מער: איר לאָזט אונז איצט גאָר צו רוה אויף אונזערע פלעצער אין מיניסטעריום. בטלנים, בעלי-בתים זיינט איר, און ניט קיין רעאַקציאָנערען...

איז דאָך, רוכט זיך, ווידער גוט? פאַרגעסט מען אין אַ רגע די אייגענע ווערטער און מען מאָלט די ציוניסטען דווקא אַלס די רעאַקציע, וואָס רייסט זיך מיט איספּעט צו דער מאַכט, וואָס צושטערט און ברעכט אַלץ.

און זיי באַמערקען גאָר ניט, די היימישע רעוואָלוציאָנערען, מיט די פּאַפּירענע שווערדלאַך אין די הענט, ווי לעכערליך, ווי קאָמיש, ווי אומגעלומפּערט זיי זעהען אויס אין דעם דאָזיגען, פון זיי אַליין אויסגעטראַכטען, באַפּוצטען און אינסצענירטען „קאַמף“. וואָרום, איז דען דאָס וואו-עס-איז געהערט געוואָרען, אַז די רעוואָלוציע בכבודה ובעצמה, די פירער און העלדען אירע, די גאַנצע בעלי-בתים און שעפער פון נייע פאָרמען, זאָלען אין אַ שענעם פרימאָרגען קומען צו די, וועמען זיי באַטראַכטען פאַר אַ פינסטערע רעאַקציע און פאַראַכטען אַלס שוואַרצע שונאים, פאַר דעם ערגסטען און נידריגסטען, אַז מען זאָל אָט צו זיי קומען, פאַלען דווקא פאַר זיי ממש אויף די קניהען און בעטען זיך ביי זיי רחמים:

— נעמט למען השם די מאַכט! ווערט ניכער די רעאַקציע! זייט דרייסט און מאַכט פון אונז אַ תל, ווייל אייער צייט איז געקומען!

אַן אמת׳ע וואַמפּוקאַ!

און מען האָט נאָך פאַראיבעל אויף אונז, וואָס מיר ענטפערען ניט, ווי משה אויפ׳ן רוף פון גאָט „הנני“, אַז מיר ווילען פאַרט ניט געהען צום העטמאַן, ווילען פאַרט ניט ווערען מיניסטאָרען, און פאַרלאַנגען בלויז, אַז די אַרבייט זאָל ווייטער געפירט ווערען אין די גרענעצען פון פּאָליטישען אַנשטאַנד און יושר.

נאָר אין די משונה׳דיג-ווילדע פאָרמען פון׳ם גלות-לעבען, וואו אַלץ איז אַזוי אומנאָרמאַל, האָבען געקענט אויסוואַקסען אַזעלכע פירות. נאָר אין דער באָדענלאָזיגקייט פון דער אידישער ווירקליכקייט איז מעגליך אַזאַ צביעות, אַזעלכע סצענעס, וואָס בעטען זיך, אַז מען זאָל זיי אַריינשטעלען אין אַ ליברעטאָ פון אַן אָפּערעטע „פאַר די ברייטע מאַסען“. אַז אַלץ שוועבט אין לופטען, אַלץ איז געבויט אויף קאָפּ-סברות און פאַרטיגע פרעמדע מוסטערן.

אויב איר ווילט, איז עס ביז אַ געוויסען גראַד אפילו פאַרשטענדליך. זייער גאַנצער מהות, דער מקור פון זייערע אַנשויאונגען און קאַמפּס-מעטאָדען זיינען גענאַשטע, געבאָרגטע. זיי געהן אַרום אין גייסטיגע מלבושים, וועלכע מען האָט גענומען אויף פּראָקאַט ביים שכן, זיי האַנדלען לויט די אויספּראָבירטע מוסטערן פון די אומות-העולם. דאָרטען, ביי די געזונטע און שטאַרקע שכנים, איז אָבער אַלץ געווען נאָרמאַל, נאַטירליך. איז באמת געקומען די רעאַקציע, האָבען טאַקע באַלד געטוזט געלט ווערען די רעוואָלוציאָנערע כחות, ווייל די רעאַקציע איז געווען אַ רעאַלע און ממשות׳דיגע, מיט אַלע קאַלירען און נעבען-ערשיינונגען. זי האָט געהאַט הינטער זיך ערד (ביי די קלעבעראָבען), פינאַנצען (ביי די קאַפּיטאַליסטען), כלי-זיין (ביי די אָפיצירען און סאָלדאַטען), גייסט (אין דער קאַדעטישער אינטעליגענץ); — פונקט אַזוי, ווי די רעוואָלוציע איז בשעתה געשטאַנען אויף אַ שטאַרקען יסוד, געהאַט הינטער זיך רעאַלע כחות און פּאָזיטיווע, שעפערישע, איינענאַרטיגע, אין גרונד גענומען נאַציאָנאַלע אינטערעסען. און אין זייער צייט האָבען טאַקע די אוקראַינישע ס. ר.-ען און די באָלשעוויקעס באַקומען בעת די וואַהלען מיליאָנען שטימען.

אַנדערש האָט עס אויסגעזעהען ביי אונז. ביי אונזערע היימישע באָלשעוויקעס, מיט זייער אידעע-פיקס איז אַלץ געווען ניט מער, ווי אַן אָבגלאַנץ פון׳ם פרעמדען כח. געלעבט און געהאַלטען האָבען זיי זיך בלויז מיט׳ן חסד פון די אוקראַינישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען, וועלכע האָבען זיי אין אַלץ נאָכגעגעבען, כדי איינצושטילען זייער אָפּאָזיציאָנעלען דאָרשט. און זיי האָבען זיך געהאַלטען מיט ביידע הענט אין דער אויסערער מאַכט, מיט איר הילף געוועלטיגט איבער אונז. און דווקא דעמאָלט, ווען זיי האָבען אַלץ פאַרכאַפּט אין זייערע הענט, באַזיצענדיג דעם מלוכה-אַפּאַראַט, גראָד דעמאָלט האָבען זיי געליטען בעת די וואַהלען איין מפּלה נאָך דער אַנדערער. אין יענער צייט, ווען די „פאַראייניגטע“ האָבען געהאַט אַן אייגענעם מיניסטער און דער „בונד“ אַ מלוכה-קאָנטראָלער, האָבען זיי ניט באַוויזען דורכצופירען אפילו קיין איין-איינציגען רעפּוטאַט אין דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. דאָס פאָלק האָט זיי ניט געוואָלט קענען, דאָס פאָלק איז געווען מיט אונז.

און ווי האָבען זיי געהערשט? וואָס האָבען זיי געטון, כדי פּאָפּולער צו מאַכען די אָרגאַנען פון דער אויטאָנאָמיע? ווי וואַנדאַלען, ווי אויפגעקומענע חוצפה׳דיגע גבירים אָדער — אין בעסטען פאַל — ווי פאַרבלענדעטע קורצזיכטיגע פאַנאַטיקער. פון׳ם מיניסטעריום האָבען זיי געמאַכט אַ פאַרטיי-קלייזעל; די גאַנצע איבעריגע געזעלשאַפט איגנאָרירט און נאָך דערצו תמיד דיסקרעדיטירט, איינגעפירט באַגרענצונגען, געפעלשט די אידישע כלל-מיינונג, פאַרמסרט אונז פאַר די אוקראַאינער, אַז מיר גראָבען זיך אונטער אונטער דער ראַדע, געבראָכען כסדר דאָס וואָרט (צוגעזאָגט צו רעפאָרמירען דעם נאַציאָנאַל-ראַט לויט די רעזולטאַטען פון די וואַהלען און ניט ערפילט דעם צוזאָג), דורכגעפירט געזעצע, בלויז לויט אַן אָבמאַך מיט די אוקראַאינער א. א. וו. א. א. וו. און דאָס האָט געהייסען אויף זייער שפּראַך: רעוואָלוציע, דעמאָקראַטיזם, פּראָגרעס...

ווען ס׳איז אָבער געקומען די איבערקערעניש און דער סאָציאַליסטישער קרוב איז אַראָב פון דער פּאָליטישער בינה, האָבען זיי באַלד דערפילט אַ טויט-קלאַפּ אויך פאַר זיך. הגם קיינער האָט זיי ניט געטשעפּעט, קיינער האָט זיי אין זינען ניט געהאַט. זיי האָבען אַליין דערפילט, אַז זייער איינציגע שטיצע איז פאַרשוואונדען. בלויז די אויסערע פרעמדע מאַכט, אָן וועלכער זיי האָבען זיך געקלאַמערט, איז געפאַלען, און תיכף האָט זיך זייער בנין, וואָס איז געבויט געוואָרען אויף שטויב, אָנגעהויבען צו טרייסלען. וואו האָבען זיי געזאָלט זוכען הילף? אויף וועמען האָבען זיי זיך געזאָלט אָנשפּאַרען? מיט וועמען האָבען זיי געזאָלט ווייטער געהען, אָט די קליינליכע

אווזורפאטארען און פעלשער פונ׳ם פאלקס-רצון? מיט די אידישע קהלות, וואו זיי זיינען א מעוט? ווי דער וואלף אין קרילאווס מעשה האבען זיי זיך דערפילט.

און ס׳האט זיך אין זייערע קרומע מחות אנגעהויבען וועבען א פלאן, א שגעון-געדאנק, ווי בעסער צו ראטעווען זיך: „הלוואי זאלען מיר זיין מיט לייטען גלייך. זאל ביי אונז אויך קומען א רעאקציע, די אידישע רעאקציע, זאל זי אונז חאפען ביים גארגל, צוטרייבען אונז, צושטערען אלץ — וועלען מיר חאטש קענען שטארבען מיט כבוד, ווי העלדען, וועלען מיר לכל הפחות קענען צודעקען אונזער ארימקייט אין באדענלאזיגקייט. א קעניגרייך פאר א רעאקציע! דעמאלט וועלען מיר מאכען דעם נויטיגען זשעסט און — נאך א אינסצענירטען „פארצווייפעלטען קאמף" — פארשווינדען מיט פאסענדע אויסגעשרייען אין יענע „קליינלאך, וואו מיר האבען זיך באהאלטען פאר דער רעוואלוציע".

די, וואס זייער גאנצע וועלט-אנשויאונג איז אבסטראקט און אונרעאל, האבען אנדערש ניט געקאנט, ווי דוקא אויסוועבען אזעלכע לופט-פלענער, וועלכע פאסען פאר א קינעמאטאגראפישע מעלאדראמע 2000 מעטער די לענג, א קארט העלדען-חבריכים פאר באנקראטירטע אווזורפאטארען.

נאר... ביטערער אידישער מזל! בידנע אידישע גלות-רעוואלוציאנערען און אידישע גזלנים, אפילו אזא נחמה — „אויסצוקעמפען דעם לעצטע קאמף" — איז זיי אויך ניט באשערט! אפילו מיט קיין אנשטענדיגער רעאקציאנערער בורזשואזיע האט זיי דער רבונו של עולם ניט באשאנקען! קיין שום קאנטר-רעוואלוציע האט זיך בכלל ניט באוויזען. קיין אנגריף אויף דעם מיניסטעריום איז ניט פארגעקומען. ווי אויף צו להכעיס האט זיך קיינער ניט געריסען צו דער מאכט, ווי אויף צו להכעיס האט מען זיי אלעמען איבערגעלאזט רוהיג אויף די פלעצער פארטצוזעצען די ארבייט אלס באאמטע פון דער נייער העטמאנישער רעגירונג. נאך מער: פשוט אויסגעמידען, פארביינגעגאנגען, פארשוויגען, מיינענדיג: „איר האט פארהאפט דאס מיניסטעריום און איגנארירט די גאנצע איבעריגע אידישע געזעלשאפט — אדרבא, פארבלייבט ווייטער דארטען, פירט די געשעפטען, קעמפט, באווייזט, אז איר קענט באשטעהען אלע נסיונות אהן די איבעריגע חלקים פון פאלק".

און וואס קאן דען זיין ביטערער פאר קאמעדיאנטען, ווי די גלייכגילטיגקייט פונ׳ם עולם. חאטש נעם און אינסצעניר אליין א רעאקציע, לערן זי אויס ווי צו האנדלען, אבי פארענדיגען די אונגעלונגענע שפיל.

און אז זיי האבען אונטערגעשיקט צו די ציוניסטען, אויף וועלכע ס׳איז געפאלען דער גורל צו שפילען די ראלע פון רעאקציע, דעם שרכן, די פאלקס פארטיי, אונטערגעשיקט מיט זיס-טרויעריגע דער וועגען דער סכנה און וועגען דעם, אז מען דארף זיך צונויפרעדען, מען דארף ראטעווען די אווטאנאמיע און אירע עראבערונגען, האט זיך נאר ארויסגעשטעלט, אז דער אידישער גזלן, די „ציוניסטישע רעאקציע" וועהטאנט ניט ווייניגער פון זיי וועגען דעם גורל פון דער אווטאנאמיע: „איר זיינט בעלי-תשובות געווארען, איר אריענטירט זיך אויפ׳ן העטמאן און אנערקענט ערשט איצט דאס, וואס מיר האבען געפאדערט גראד בעת דער רעוואלוציע — איז גוט, קענען מיר מיט אייך צוזאמען ארבייטען". און — א וואונדערבארע מעשה: די „רעאקציע" האט זיך נאר פריינדליך, כמעט אהן חלוקי-דעות, צונויפגערעדט מיט דער „רעוואלוציע", כדי צוזאמען, ווי גלייך-פאראינטערעסירט צו ראטעווען די אווטאנאמיע.

זיינען אונזערע סאציאליסטען אבער גרויסע קאמעדיאנטען, מענשען פון פראזע און פאזע, זיי מוזען אבשפילען ביז׳ן סוף זייער מעלאדראמע, אין וועלכער עס דארפען אונבאדינגט פיגורירען שלעכטע און גוטע גייסטער. זיי מוזען דאך דעמאנסטרירען זייער אייגענארטיגקייט. און ווי קאנען זיי דען דאס אמבעסטען טון, בעת זיי זיינען שטארק בלויז אין די נעגאטיווע מאמענטען פון זייער פראגראם. זיי דארפען האבען דעם קאמף, כדי צו אטעמען אין דער לופט און ציהען אויף זיך די אויפמערזאמקייט. זיינען צו דעם צוועק גוט אלע מיטלען. אבווארפען אלע ציוניסטישע פארשלאגען געגען וועלכע-עס איז שפראך-באגרענצונגען, צוויי וואכען נאכאנאנד זיי קייען און דערנאך אריינטראגען. ס׳איז גוט צו סאבאטירען, קעמפען מיט לופט-מיהלען. ווארים בלויז אין דער שאפונג פון קינסטליכע קאנטראסטען, אין אויסטראכטען חלוקי-דעות, אין א ליכט-און-שאטען-שפיל קענען זיי צודעקען זייער גייסטיגע ארימקייט.

האט מען פריהער איינגעלאדען די ציוניסטען אין אחדות, ראפעס האט אפילו געוואלט בראדסקי׳ן מיט די קארטען, אבי די קאטערינקע זאל שפילען, געעפענט פאר זיי ברייט די טויערען פון נאציאנאל-ראט, צונויפגערעדט זיך וועגען אלע פראגען, אריינגעשמוגלערט איניגע באגרענצונגען און אנגעהויבען דעם פורים-שפיל: לינקס זיצט איר מאיעסטעט די רעוואלוציע, רעכטס — די רעאקציע. דער קאמף קאן זיך אנהויבען און אלס ערשטער קבלת פנים האט זיך, ווי פון א זאק, א שאט געטון:

— העטמאנצעס, אידישע רעאקציע, שווארצע מאה, קלעריקאלען, צושטערער פון דער אווטאנאמיע!

און גלייכצייטיג: „זייט אזוי גוט, נעמט די מאכט, כדי צו ראטעווען די אווטאנאמיע, ווערט דער רעאקציאנער, גיט אונז א מעגליכקייט צו פירען מיט אייך א פארביטערטען קאמף, גיט אונז געלעגענהייט אייך צו באשמוצען, מסר׳ן און זידלען. און דערביי: האלט זיך ביי אונזערע פראגראמען און אונזערע „קאנסטיטוציעס". און אויב איר ווילט ניט פארנעמען דעם פאסט פון א פארוואלטער, זיינט איר רעאקציאנערען. און ווילט איר ענדערען אינזער „קולטור-פראגראם", וואס רודפט העברעיש — זיינט איר קאנטר-רעוואלוציאנערען. און אויב איר זיינט ניט מסכים, אז מיר, די פארטיי-שליחים, צופעליגע מענשען, זאלען באגרענעצען די קאמפעטענץ פון דער צייטווייליגער נאציאנאלער פארזאמלונג — זיינט איר צושטערער פון דער אווטאנאמיע!"

אזוי האבען גע׳טענהט די אידישע סאציאליסטען אין דעם אידישען נאציאנאל-ראט, סאבאטירענדיג די ארבייט און צושטערענדיג די ארגאנען פון דער נאציאנאלער אווטאנאמיע. דאס איז זייער אמת, זייער ערליכקייט, זייער יושר, און אלץ — בלויז אין נאמען פון דער פאזע און טויטער פראזע, נאר לשם נידריגער אונפאראנטווארטליכער דעמאגאגיע פון באנקראטירטע פראווינציעלע פורים-שפילער, וואס שטעהען אויף דער סצענע אין פאפירענע שטריימלאך און בעטען זיך ביי די ציוניסטען רחמים:

— זייט א רעאקציע, כדי מיר זאלען קענען ווערען מארטירער און נערודפ׳טע.

און גרויס איז דער פארברעכען פון די ציוניסטען: זיי ווילען ניט ערפילען אט די בקשה, ווילען ניט שפילען די ראלע פון דער רעאקציע און זיי ווילען ניט אנטון די ה״ה פון בונד און „פאראייניגטע" דעם גרויסען כבוד געשטעמפעלט צו ווערען אלס פארפאלגטע און נערודפ׳טע אידישע סאציאליסטען, וואס — זאל די וועלט לאכען — חלשען אזוי נאך א רעאקציע...

אין דעם דאזיגען היסטארישען פארברעכען זיינען מיר זיך מודה ומתודה.

מ. גראסמאן.

פלעחאנאוו׳ס טראגעדיע.

I.

געשטארבען פלעחאנאוו. דער שאפער און פירער פון דער רוסלענדישער סאציאל-דעמאקראטיע, איר גרעסטער טעארעטיקער און דענקער, האט ער פארמאכט די אויגען איינזאם און עלענד אויף א פארווארפען ווינקעל פון פינלאנד. און דאס איז געשעהן אין דער זעלבער צייט, ווען זיין פארטיי, זיינע פריהעריגע תלמידים און מיטארבעטער זיינען געקומען צו דער מאכט, ווען די רעוואלוציע האט מנצח געווען, ווען די רויטע פאן האט אנגעהויבען פריי צו פלאטערען איבער דער רוסלענדישער רעפובליק. פלעחאנאוו איז געשטארבען אין פינלאנד. און אהין איז ער אוועק, כדי צו ראטעווען זיך פון די באליידיגונגען און עגוים, וועלכע עס איז אים באשערט געווען אויסצושטעהען מצד דער הערשענדער רוסישער רעוואלוציאנערער דעמאקראטיע. הויז-זוכונגען, זידלערייען, פארווארפען אין פארקויפען זיך צום אימפעריאליזם, אין פארראט בנוגע צום ארבעטער-קלאס — אלץ איז באשערט געווען איבערצולעבען דעם אלטען פירער פון דער רוסלענדישער סאציאל-דעמאקראטיע.

פאר וואס?

דערפאר, וואס אין זיינע לעצטע טעג האט ער דערזעהען און פארשטאנען דעם אמת, ארויסגעזאגט אים און מיט דער איבערגעגעבענקייט פון א גר האט ער אים פארווירקליכט אין לעבען — דעם אמת וועגען דער נאציאן, וועגען פאטערלאנד.

פלעחאנאוו איז געווען א טיפישער רוסישער אינטעליגענט. און אלס אזעלכער, האט ער ווי אלע, געליטען פון דער טיפישער רוסישער אינטעליגענטישער קרענק: פון אן׳אבערגלויבען צו בנוגע נאציאנאלע פראגען. די רוסישע נאציאן, א געזונטע און בלוט-פולע אין איר נארמאלער נאציאנאלער עקזיסטענץ, האט געקאנט זיך ערלויבען דעם לוקסוס פון גלייכגילטיגקייט בנוגע צו איר נאציאנאליטעט, צו דער אידעע און דעם פאקט פון א אייגענעם לאנד.

פאר דער פראגרעסיווער רוסישער אינטעליגענץ איז דער באגריף פון פאטערלאנד געווען פרעמד. פאר איר איז דאס געווען דאס זעלבע, וואס דער אפיציעלער פאטריאטיזם פון דער רוסישער רעאקציאנערער מאכט. נאך דער אלטער שצעדרין האט וועגען דעם געשריבען: „ביי אונז ווערט געשטעלט דער איטשאסטאק אויפ׳ן ארט פון פאטערלאנד און דער געוועהנליכער איינוואוינער גלויבט אים און מישט צונויף די דאזיגע צוויי זאכען".

א שורה פון יארען האט זיי אויך פלעחאנאוו צונויפגעמישט. פאר אים זיינען פאטערלאנד און נאציאנאליטעט אין משך פון יארען געווען סינאנימען „פון נאציאנאלער אויסערגעוועהנליכקייט, פון אונצוטרוי צווישען די פעלקער און פון רדיפות מצד איין פאלק בנוגע צום אנדערען". ביים פראלעטאריאט איז ניטא און עס קאן ניט זיין קיין חלק אין

אזא פאַטערלאַנד. די באַרימטע פראזע פון קאָמוניסטישען מאַניפעסט איז פאַר פלעכאַנאָוו'ן געווען אַ הײליגער אמת. ער האָט געלײַקענט, אַז בײַם אַרבײַטער-קלאַס איז פאַראַן פאַטריאָטיזם. וואָס ברײַטער עס ווערט דער מעכטיגער טײַך פון דער אַרבײַטער-באַוועגונג, אַלץ ווײַטער טרעט אָב די פסיכאָלאָגיע פון פאַטריאָטיזם פאַר דער פסיכאָלאָגיע פון אינטערנאַציאָנאַליזם... דער באַוואוסטזיניגער פראָלעטאַריער פון יעדער קאַפיטאַליסטיש לאַנד פיהלט זיך אַ סך נאָהענטער צום פראָלעטאַריער פון יעדער אַנדער קאַפיטאַליסטיש לאַנד, איידער צו זײַן מיטבירגער-קאַפיטאַליסט.

דרײַ צענדליג יאָר נאָכאַנאַנד האָט פלעהאַנאָוו געפרעדיגט אין די אַרבײַטער-קרײַזען נאַציאָנאַלען אינדיפערענטיזם און פאַרגלײַכט דאָס פאַטערלאַנד מיט די מאַכטהאַבענדע קלאַסען. ער האָט עס פאָפולאַריזירט מיט דער גאַנצער קראַפט פון זײַן דיאַלעקטישען מח און פובליציסטישען טאַלאַנט.

און די פראָפאַגאַנדע האָט זיך אײַנגעוואָרצעלט און געגעבען פרוכט.

האָט אָבער אויסגעבראָכען די מלחמה. און אין'ם מאָמענט, ווען פאַר רוסלאַנד איז געשטאַנען אַ רעאַלע לעבענס-סכנה פון פרעמדע אַנפאַלען, ווען עס איז געשטעלט געוואָרען אונטער אַ פראַגע-צײַכען די אידעע פון פאָטערלאַנד, וואָס איז אַזוי לאַנג געווען זעלבסטפאַרשטענדליך,—האָט אַ ציטער געטאָן דאָס הארץ פונ'ם אַלטען קעמפער פאַר'ן אינטערנאַציאָנאַל. יאָרענלאַנג גלײַכגילטיג צו דער אידעע פון פאָטערלאַנד און נאַציאָן, האָט ער בײַם שײַן פון דער מלחמה מיט וועהטאָג דערפיהלט די לעבעדיגקײַט פון אָט די פאַקטאָרען, זײַער גאַנצע שעפערישע לעבענס-פעהיגקײַט. און מיט דער גאַנצער מאַכט פון זײַן אינטעלעקט און טעמפעראַמענט איז פלעהאַנאָוו אויפגעשטאַנען, כדי צו באַשיצען אָט דעם סאָציאַליסטישען פאַטריאָטיזם. ער האָט צונויפגעזאַמעלט אַרום זיך אַ קרײַז מיטהעלפער מיט דײַטש'ן, זאַסוליטש, אַקסעלראָד און אַלעקסינסקין בראש און אויפגעהויבען די פאָן פון באַשיצען דאָס אײַגענע לאַנד—וואָס איז אַ הײַליג גוטס פאַר אַלע קלאַסען.

נאָך בשעת דעם צאַרישען רעזשים האָט פלעהאַנאָוו געקעמפט פאַר דער פאָזיציע פון „אָבאָראָנטשעסטוואָ“, נאָך דאַן האָט ער הינטער דעם הערשענדען אוטשאָסטאָק שוין דערזעהען די ליכטיגע אידעע פון פאָטערלאַנד.

ווען די רעוואָלוציע האָט אָבער אַראָבגעשווענקט דעם רעאַקציאָנערען שוים, האָט פלעהאַנאָוו, וועלכער האָט זיך אומגעקערט קײַן רוסלאַנד, נאָך מיט אַ גרעסערער לײַדענשאַפט אָנגעהויבען פירען דעם קאַמף פאַר באַשיצען דאָס פאָטערלאַנד, פאַר דעם, אַז מען זאָל אָנשטרענגען מעכטיג אַלע נאַציאָנאַלע קרעפטען און דורך אַ גרויסען פאָלקס-קרבן מיט בלוט און לעבען ראַטעווען רוסלאַנד.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבען פלעכאַנאָוו'ס טראַגעדיע. דאָס וואָס ער האָט פריהער געפרעדיגט, איז איצט אַרויסגעטראָטען געגען איהם. די פסיכאָלאָגיע פון נאַציאָנאַלען אינדיפערענטיזם, פון אָבלײַקענען דאָס פאָטערלאַנד, דאָס צונויפמישען פונ'ם באַגריף „פאָטערלאַנד“ מיט דער „בורזשואַזיע“, דאָס אָנערקענען פונ'ם פאַטריאָטיזם פאַר אַ רעאַקציאָנערע אידעע — אָט די גאַנצע אידעאָלאָגיע פון פרימיטיווען קאָסמאָפאָליטיזם איז ווי אַ וואַנט אויפגעשטאַנען פאַר פלעכאַנאָוו'ן. אײניגע האָבען געגלויבט אין איר אויפריכטיג, אַנדערע האָבען מיט איר ציניש פאַרדעקט זײער אײגענעם „פעלץ“,—אָבער גראָד אָט די אידעאָלאָגיע, די אידעאָלאָגיע פונ'ם פריהערינגען פלעכאַנאָוו'ן,—איז געוואָרען די הערשענדע. און מיט איר האָט מען געשלאָגען דעם נײַעם פלעכאַנאָוו'ן דורך איר האָט מען פאַרדעקט דאָס „ברודערן זיך“ אויפ'ן פראָנט, און דעם בריסקער שלום און די אונזיניגע און פאַרברעכערישע פאָליטיק, וואָס האָט צובראָכען, אָבגעשוואַכט און צושטערט רוס לאַנד.

פלעכאַנאָוו איז געבליבען אײנזאַם. זײַנע תלמידים האָבען זיך אָבגעקערעוועט פון איהם. די מאַסען זײַנען געגאַנגען פאַרבײַ איהם. די געשיכטע— געגען זײַנע פאַטריאָטישע שטרעבונגען. און דערפאַר, וואָס דער אַלטער קעמפער האָט זיך ניט אונטערגעגעבען דעם הערשענדען חאָס פון באָלשעוויזם און מיט אַ שאַרפען מעסער פון אומברחמנות'דיגער פאַטריאָטישער קריטיק אויפגעעפענט אַלע חסרונות און פאַרברעכען פון די, וואָס האָבען פאַרכאַפט די מאַכט, פון די „איוואַנעס, וואָס געדענקען ניט זײער קרובֿשאַפט“, וועלכע זײַנען געשטעלט געוואָרען בײַ דער מאַכט, — איז ער ערקלערט געוואָרען פאַר אַ פײַנד פונ'ם אַרבעטער-קלאַס, פאַר אַ רעאַקציאָנער און שאָוויניסט. דער געלמיגער „באַהערשער פון די מוחות“, האָט פלעכאַנאָוו די לעצטע חדשים געלעבט ווי אין חרם. —

אַ צושלאָגען און דערנידעריגט רוסלאַנד, אַ רוסלאַנד אין ים פון איר בלוט, אַ פאָלק אָהן אַ נאַציאָנאַלען געפיהל, אַ אינטעליגענץ אָהן אַ נאַציאָנאַלען באַוואוסטזײַן—האָט פלעכאַנאָוו איבערגעלאָזט הינטער זיך. און די לעצטע שעה'ן פונ'ם גרויסען פאַטריאָט-סאָציאַליסט זײַנען פאַר'סמט געוואָרען דורך אומעטיג טרויעריגע געדאַנקען וועגען דער פינסטערער צוקונפט פונ'ם אײגענעם פאָלק און אײגענעם לאַנד.

י. שעכטמאַן.

פאַראײניגונג און דיפערענצירונג.

1.

ס'איז באַקאַנט, אַז די סבּרה פון די פאַרשײדענע אַנטיסעמיטען מכח דעם אַלוועלטליכען אידישען „קהל“, איז געווען בלויז אַ לעגענדאַרישע און פאַלשע אַנטיסעמיטישע המצאה. דאָס לעבען האָט אויף איטליכען שריט און טריט באַשײַנפערליך געוויזען, אויף וויפיל דער שלום-בית, צוליב וועלכען מ'מעג אפילו אַ ליגען זאָגען, האָט ניט געהאַט קײַן שליטה אויף דער אידישער גאַס. דווקא בײַ קײַן שום אומה שבעולם איז ניט מעגליך צו געפינען אַזוי פיל צובראָקלונגען, אַזוי פיל געגנערישע און אפילו פײַנדליכע גרופען און פאַרטײַען—ווי אויף דער אידישער גאַס. און ס'איז שוין אפילו געוואָרען אַן אַקסיאָמע, אַז אָט וועלען אויספעהלען אותיות אינ'ם אידישען אַלף-בית פאַר די איניציאַלען פון די אידישע פאַרטײַען.

אַזאַ מצב איז געווען אויף דער אידישער גאַס בעת דער ערשטער רעוואָלוציע פון 1905; אַזוי איז עס געבליבען ביז דער רעוואָלוציע פון 1917.

נאָר פּלוצים איז פאָרגעקומען בײַ אונז אַ מין איבערקערעניש: דער געדאַנק פונ'ם אידישען שלום-בית האָט כלומרשט אָנגעהויבען זיך צו פאַרווירקליכען: ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה פון „פאַראײַניגונג“.

און דאָ זעהט מען ערשט, ווי גרויס עס איז דער חילוק צווישען דעם, וואָס ס'קומט פאָר בײַ אונז, אידען, און דעם, וואָס עס פאַסירט אין דער אַלגעמײַנער וועלט.

בײַ די אומות העולם איז אַ חוק, אַז אַ אידעאָלאָגישער, פּרינציפּיעלער קאַמף ווערט געפירט בלויז אין די נאָרמאַלע צײַטען. אין יענע מאָמענטען אָבער, ווען מען הויבט אָן רעאַליזירען די טעאָרעטישע וועלטאַנשויאונג, ד. ה. אין די *רעוואָלוציאָנערע מאָמענטען*, באַזירט שוין מעהר ניט דער קריג אויף רײַן פּרינציפּיעלע, אידעאָלאָגישע יסודות. אין דער ערשטער שורה טרעט אַרויס די טאַקטיק, דער אופן און די מיטלען פונ'ם דורכפיהרען אין לעבען די פּראָגראַם. די רוסלענדישע רעוואָלוציע איז דער בעסטער באַווײַז פאַר אָט דעם סאָציאָלאָגישען חוק: רײַבונגען און שפּאַלטונגען זײַנען פאָרגעקומען ניט צווישען די אָנהענגער פון פאַרשײַדענע וועלטאַנשויאונגען, נאָר דווקא צווישען חסידים פון אײן און דער זעלבער וועלטאַנשויאונג, צוליב רײַן פּראַקטישע, צוליב *טאַקטישע* פּראַגען, דער מענשעוויזם און דער באָלשעוויזם האָבען די גאַנצע צײַט געצייגען זײַער יניקה פון אײן און דעמועלבען מקור און קײַן שום נײַע פּראָגראַמאַטישע עולמות זײַנען ניט געשאַפען געוואָרען. די טאַקטיק, און נור זי האָט די בײדע צדדים געמאַכט פאַר אַזעלכע פײַערדיגע שונאים און חסידים פון אײן און דער זעלבער אידעע וואָס האָבען ניט געפונען קײַן אַלגעמײַנעם לשון: בײַ אײנע איז די פּראַקטיק, ד. ה. די טאַקטיק, דערדוצירט געוואָרען פון דעם פּראָגראַם, בײַ די אַנדערע—פאַרקערט: די טאַקטיק האָט נאָכגעשלעפּט נאָך זיך די אידעאָלאָגיע, די פּראָגראַם.

II.

גאַנץ פאַרקערט איז פאָרגעקומען אויף דער אידישער גאַס.

דווקא אין דער צײַט פון רעוואָלוציע, בעת אויף דער אַלגעמײַנער פּאָליטישער גאַס האָבען פאַרשײַדענע און אײן-און-די זעלבע פאַרטײַען געשאַרפט אײנע געגען די צווייטע די כלי-זין *צוליב טאַקטישע פּראַגען*, האָט זיך בײַ אונז, אידען, פון אײן זײַט פאַרשטאַרקט די אידעאָלאָגישע מלחמה, און פון דער צווייטער זײַט איז פאַרשטומט געוואָרען דער קריג צוליב טאַקטישע פּראַגען.

טריי זײַנען געבליבען דעם סאָציאָלאָגישען חוק נאָר די צוויי אַלטע גוטע באַקאַנטע אויף דער אידישער גאַס: די ציוניסטען און דער „בונד“. נאָך דעם „בונד“ האָט זיך אָבער געשלעפּט די גאַנצע פּלעיאַדען פון זײַנע נאָכלויפערס.

ווי הײשעריקען האָבען זיך אַ וואַרף געטון די פאַרשידענע איבערלויפערס—די געוועזענע ציוניסטען. אויך זיי האָט זיך געוואָלט פאַרנעמען אַן אָרט אויף דער אידישער נאַציאָנאַל-פּאָליטישער גאַס: אויך זיי, ענטוישטע אידישע אינטעליגענט'ן זײַנען געקומען מיט אַ הכשר צו „אַרבײַטען“ אויף דער אידישער גאַס, האָט ווידער אַמאָל אָנגעהויבען מיסטערן אויף אַלע זײַטען דעם אידישען אַלף-בית: ס"ס (זיי זײַנען אויך ס"ט), י"ס, פ"צ—וכדומה, וועניגער אָדער נאָר ניט וועכטיגע ראשי-תיבות'ן און אויף דער אידישער גאַס האָט זיך אָנגעהויבען אַ „ויצעקו“: אָט געהט דער ס"ט (ס-ס) מיט אַ הכשר אויף אַ אידישען מאַרס; אָט ווײַזט זיך קוים אַרויס דער פ"צ און מיט אַ ציטערדיגען קול'כעל לאָזט ער הערען, וועגען זײַן הכשר אויף אַ מאַרקסיסטישע פּאַלעסטינאַ; און אָט ערשײַנט דער י"ס מיט זײַן „אינטעליגענטישען“ הכשר אויף אַ אידישען סיים. און יעדער האָט זיך געסטאַרעט דערווײַזען, ניט נור אַז דווקא זײַן הכשר איז דער אמת כשרער, נאָר דער עיקר איז געווען צו פאַרטרײַבען יענעמס הכשר. דערצו איז דאָך אויך פאַראַן אַ געניטער מיטעל: מאָנאָפּאָליזירען דאָס פון גאָט געבענשטע וואָרט „דעמאָקראַטיזם“ און זשאָנגלירען מיט איהם און

בײַדע צדדים האָבען געבּרויכט דאָס זעלבע כּלי-זיין אײנער געגען דעם צווײַטען.

פּלוצים איז אין אײן שײנער נאַכט געשעהן אַ נס: פון די אַלע „כּשרע" אידען-סאָציאַליסטען איז געוואָרען אײן אידישער סאָציאַליסט, די אַלע פּאַפּירענע הכּשרים האָבען געהאַט דעם זעלבען מזל, ווי אַנדערע „פּאַפּירלאַך": אַז מ׳דאַרף צורײַסט מען זײ און מען צוטרעט מיט די פיס... אמת טאַקע, דער בײַ איז אויסגעקומען צו פאַרשוועכען דעם אײגענעם פּנים; אמת טאַקע, דער „איין איד" איז געווען ניט קײן חימישער, אָרגאַנישער צוזאַמענזעץ פון פאַרשידענע חלקים, נאָר אַ ריין מעכאַנישער, אַ קינסטליכער, אמת טאַקע, דאָס „אײגענע" האָט געמוזט גאַנץ מטושטש ווערען פאַר דעם „פרעמדען". נור וואָס טוט מען דען ניט צוליב שלום-בית? אַ כּשרער איד מאָר דאָך ניט און קען ניט פאַרבלײַבען אַזאַ פאַרביסענער עקשן: מ׳מוז געפינען אַ פּשרה! איך וועל זיך אָפּזאָגען אַ ביסעל פון מײן טעאָריע, דו וועסט ניט באַשטעהן אויפ׳ן קוצו של יוד פון דײַן אידעאָלאָגיע — און בײדע צוזאַמען וועלען מיר טאַקע שאַפען אַט דעם נויטיגען „פּסיכאָלאָגישען באָדען און די אָביעקטיווע געזעצמעסיגקײט פון דעם געשעהענעם פאַקט" (י. נאָוואַקאָווסקי: „פאַראײניגונג פון דער אידישער אַרבײטערשאַפט". נײַע צײַט № 104).

אַט, ווי גרויס ס׳איז דער כּח פון אחדות! צוליב דעם ציעל מעג מען אפילו צונויפמישען אַזעלכע פאַרשידענע באַגריפען ווי אַ קלאַסען-אײניגקײט און „פּאַרטײ-אײניגקײט" ווײַל, שליסליך, די, וועלכע האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון זײער אײגענעם מהות, זײַנען טאַקע לכל הדעות ניט מחויב זיך אַמפּערן צוליב דער אויסערליכער צורה און בפרט נאָך, אַז בעת דעם אָפּמאַך זײַנען פאַרלאָרען געגאַנגען אַזעלכע, וואָס קײן צד פון זײ האָט אין דער ווירקליכקײט לחלוטין ניט פאַרמאַגט: דער מאַרס איז נאָך עת עתּה געבליבען אויפ׳ן הימעל, און דער סיים — אויפ׳ן פּאַפּיר.

נו, און דאָרט, וואו קײן אידעאָלאָגישער, פּרינציפּיעלער קאַמף איז שוין ניטאָ, האָט דאָך ניט קײן זין אויך די מלחמה פאַר דער טאַקטיק.

אַט אַזוי איז אָהן וועהטאָגען געבוירען געוואָרען דאָס משונה׳דיגע באַשעפעניש, אַט דער פּאָליטישער כּוי, וואָס האָט אוועקגעזול׳ט גאַנצע פינף אותיות פונ׳ם אידישען אלף בית: פּ. אַ. ס. אַ. פּ. („פאַראײניגטע אידישע סאָציאַליסטישע אַרבײטער פּאַרטײ").

III.

פּרינציפּען- און טאַקטיק-לאָזיגקײט זײַנען אָבער ענג פאַרבונדען פון אײן זײַט מיט אומפאַראַנטוואָרטליכקײט, פון דער צווײַטער — מיט דער שרעקליכער מכּת סדום: מיט פאַרבלענדעניש.

מענשען אָהן פּרינציפּען און אָהן טאַקטיק פאַרלירען אויך דעם אחריות פונ׳ם וואָרט. דאָס וואָרט בינדעט זײ צו גאָר ניט, ווײַל זײער וואָרט איז, ווי אַלע זײערע מעשׂים, ניט מעהר ווי אַ משונהדיגער עקספּערימענט, אַ וואָרט אָהן אינהאַלט, וועלכער זאָל מחויב זײַן. דערפאַר זעהען מיר, ווי כּסדר געהען זיך פונאַנדער זײערע ווערטער מיט זײערע מעשׂים: פּאַטענטאָוואַנע „דעמאָקראַטען" האַנדלען זײ שטרענג אַנטידעמאָקראַטיש; איבערנעמענדיג פון דער גרויסער וועלט די ווערטער, האָבען זײ זײ געמאַכט פאַר אַ שפּילצײַג אין זײערע מעשׂים. נאָך מעהר: בעת אין דער גרויסער, אויסערליכער וועלט זײַנען זײ, ווי אַלע „העלדען" מיט פאַרשקלאַפטער פּסיכאָלאָגיע פּעפּסטליכער ווי דער פּאַפּסט אַלײן, זײַנען זײ אויף דער אידישער גאַס גאַנץ דער היפּוך פון זײער „איך".

און פון דער צווײַטער זײַט איז אויף זײ מקוים געוואָרען דער אַלטער כּלל: וועמען גאָט וויל פאַרניכטען, דעם פאַרבלענדעט ער פריהער, און די „פאַראײניגטע" האָבען גאָר ניט געזעהען, ווי זײ ווערען אונטערגעוואָרפען דעם אומפאַרמײַדליכען נאַטירליכען געזעץ.

אין דעם אָפּמאַך האָט זיך נור גאַנץ בולט אַרויסגעוויזען אײנער פון די נאַטור-געזעצען, דהיינו: דער געזעץ פון עקאָנאָמיע פון די לעבענס-קרעפטען: די נאַטור איז ניט פאַרשווענדעריש. זי האָט ניט ליב מבזבז זײַן אירע כּחות אָהן אַ חשבון, און נור לויט אַט דעם געזעץ ווערט געפירט דער קאַמף פאַר עקסיסטענץ: פון אײן זײַט קומט פאָר די קאָנצענטראַציע פון די געזונטע, פּאָזיטיווע כּחות און פון דער צווײַטער — די קאָנצענטראַציע פון די שוואַכע, וואורצעללאָזע, אַנעמישע כּחות. און בעת אַט דער אַקומולאַציאָנס-פּראָצעס ווערט געענדיגט, קומט פאָר די ענדגילטיגע שלאַכט.

אַט דעם פּראָצעס האָבען אויך געמוזט דורכמאַכען די פאַרשידענע ראשי-תיבות׳ניקעס אויף דער אידישער פּאָליטישער גאַס: זײ האָבען זיך געמוזט קאָנצענטרירען, „פאַראײניגען", כּדי דאָס לעבען זאָל קענען מיט ווייניגער קראַפט-פאַרשווענדונג געבען זײ דעם לעצטען קלאַפּ; אָדער זײ וועלען אַרײַנגעשלונגען ווערען דורכ׳ן אַזוי ברײט אָפענעם פּיסק פונ׳ם „בונד" און אויף דער אידישער גאַס וועלען, ביז אַ צײַט, ווײַטער בלײַבען נור די צוויי אַלטע געגנערס; אָדער זײ וועלען זיך צולאָזען אויף דער אידישער גאַס און פאַרפּלײצען זי מיט אַ נײַעם טיפּ פון אַ ענטוישטען אידישען אינטעליגענט מיט „זוכעניש", אפשר מיט מיסטישער בענקשאַפט נאָך סתם „ערד", נאָך סתם „גײַסט", אָדער גאָר נאָך אַ סתם-סינטעז „ערדגײַסט"...

IV.

און אין דער זעלבער צײַט קומט אויך פאָר די קאָנצענטראַציע פון די געזונטע, שעפערישע כּחות אין׳ם אידענטום. ווי יעדער שאַפונגס-פּראָצעס געהט עס ניט צו גאַנץ לײַכט.

דווקא אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע קומט פאָר דער אומפאַרמײַדליכער רעוואָלוציאָנערער חוק, אויף וועלכען מיר האָבען שוין אָנגעוויזען אין אָנהויב פון מאמר: בעת דער הויפּט-געדאַנק פונ׳ם ציוניזם איז געבליבען שטאַרק און פעסט, ווי אַ פעלז, ווײַזען זיך אַרויס אין דער אָרגאַניזאַציע דיפערענצירונגס-טענדענצען אַרום די טאַקטישע פראַגען. אַרום אונז קומט פאָר די דיפערענצירונג, וועלכע איז נויטיג און נאַטירליך בײַ יעדעם גערונגס-פּראָצעס. ווײַל פאַרגליווערט איז נור דער טויט. דאָרט אָבער וואו עס איז פאַראַן לעבען זײַנען אויך דאָ תּמיד גערונגען.

און מ׳דאַרף גאָר ניט זײַן קײן גאונישער בקי אין דער געשיכטע פונ׳ם אַנטוויקלען פונ׳ם ציוניזם, כּדי צו וויסען, אַז אַט דער געזונטער גערונגס-פּראָצעס איז אין איהם ניט קײן נײַעס. נאָך אויף די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסען האָבען שוין אָנגעהויבען גערען די פאַרשידענע שאַטירונגען, וועלכע האָבען געבראַכט צום סינטעטישען ציוניזם, און וועלכע האָבען זיך בײַ דעם אויך ניט אָפּגעשטעלט. זײ און נור זײ האָבען אַזוי אַנטוויקעלט און פאַרטיפט דעם ציוניסטישען געדאַנק, אַנטפּלעקט און באַלײַכט אין איהם כּסדר נײַעס. נור אַזוי איז סוף כּל סוף באַשאַפען און קאָנסאָלידירט געוואָרען דער רײנער געדאַנק פון פולער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. און דער גערונגס-פּראָצעס קומט אויך איצט פאָר: אין דער ציוניסטישער וועלט באַמערקט מען נײַע זוכענישען, נײַע פאָרמירונגען, מעהר אָדער ווייניגער ווײַט געהענדיגע. אמת, אין דעם ווערען אויך אַרײַנגעטראָגען אָפט אַ סך קינסטליכע עלעמענטען. נור אין דעם באַשטעהט דאָך טאַקע דער סוד און דער כּח פונ׳ם גערען: אַרײַנעהמען אין זיך דאָס, וואָס איז געזונט און נאַטירליך, און אַוועקשלײַדערן דאָס קינסטליכע, דאָס שטערענדע. אין בײַדע אופנים באַפרוכטערט זיך דער לעבעדיגער אָרגאַניזם, באַקומט תּמיד פרישע און זאַפטיגע חיונית. אַט פאַרוואָס מיר זײַנען בטוח אַז מצד די אַלע מאָדערנע, אויסערליכע עלעמענטען איז קײן שום סכּנה ניטאָ פאַרן ציוניזם.

דער דיפערענצירונגס-פּראָצעס, וואָס איז גלײַכצײַטיג דער באַגלײַטער און דער פּועל-יוצא פונ׳ם גערונגס-פּראָצעס, שאַפט די געזונטע, פּאַסענדע פאָרמען, וועלכע זײַנען נאַטירליך און געפינען זיך אין הסכּם מיט דעם אײן-אײנציגען תּוך. די דיפערענצירונג פירט צו דער קאָנצענטראַציע פון די געזונטע, שעפערישע, „אָרגאַניש פאַראײניגטע" עלעמענטען פון אײן זײַט אַ פאַראײניגונג פון די שוואַכע און בלוט-לאָזע, בעת עס ווערען פאַרגעסען און חרוב די הײליגסטע גרונד-יסודות פונ׳ם אײגענעם פּאָליטישען אני-מאמין, פון דער אַנדערער זײַט. די דיפערענצירונג און פאַרצווײַגונג פון דעם שטאַרקען טיף-זיצענדען דעמב, וועלכער ווײסט און פילט, אַז די דיפערענצירונג איז די נאַטירליכע, די געזונטע אַנטוויקלונג בײַם וואַקסען. ווער עס טראָגט אין זיך דעם נצחון — איז קלאָר, ווי דער טאָג.

ש. האָמעלסקי.

וול. יאַקובסאָן.

דער פאַרשטאָרבענער וול. יאַקובסאָן האָט געהערט צו די פּאָפּולערסטע אידישע פיגורען אין רוסלענדישען געזעלשאַפטליכען לעבען פאַר די לעצטע 15 יאָהר. ער איז געווען אײנער פון די ווײניגע אידען, פּאָליטישע טוער, וואָס זײַנען גלײַכצײַטיג פּאָפּולער, באַליבט און געאַכטעט אין די אידישע ווי אויך אין די ניט אידישע, פּאָליטישע קרײַזען — דערהויפּט אין די ברײטע פאָלקס-שיכטען. ער איז געווען פון די אײניגע אידישע כּלל-טוער, וואָס האָבען אינוואײניג אין דעם אידישען געזעלשאַפטליכען לעבען, אין די אידישע קהלות גופא, געקעמפט פאַר אַ בעסערען, פרײַערען, פאַר אַ העלטליכען לעבען.

געבוירען אין ווילנע, האָט וול. יאַקובסאָן באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע אידישע ערציהונג, וואָס האָט זיך הויפּטזעכליך אויסגעדריקט אין די פאָרמען, אין די מנהגים, אין דער טרײַהײט צו דער אידישער פאָלקסטימליכקײט פון אַלטען שטײגער. די שטוב האָט אין איהם אין די קינדער-יאָהרען ערצויגען אַ פּסיכאָלאָגישע באַדערפעניש און נויטווענדיגקײט שטעהן נאָהענט צום אידישען לעבען, צו דער גאַס, און פון די קינדערש יאָהרען, פון גימנאַזיע אָן זעהען מיר שוין דעם יונגען און באַליבטען פון אַלע חברים „וואָלאָדיאַ" אין דעם אונלעגאַלען פּאָלקיסטישען רוסישען קרײַזעל, וואו ער פירט אָן מיט דער טעאָרעטישער אַרבײט און רופט און אָרגאַניזירט די גימנאַזיסטישע יוגענט פאַר׳ן רוסישען פאָלק.

„די ווירקליכקײט האָט געפירט דערצו, אַז אין גימנאַזיע האָט מען וועגען דער שטוב בכלל ווײניג געטראַכט און געזאָרגט; די פאַרבינדונג מיט דער פאַמיליע איז בכלל געווען קלײן. איך בין אין שטוב געווען דער גאַנצער איד, מײן טאַטע-מאַמעס זוהן, און אין גימנאַזיע, וואו איך האָב באַקומען בילדונג,

וואו ס'האָט זיך פאַר מיר געעפענט אַ ליכטיגע וועלט, האָט מיר געצווינגען צו מעשים, צו רעוואָלוציאָנערע אַרבייט פאַר'ן רוסישען פאָלק".

אזוי פלעגט ניט איין מאָל איבערחזר'ן וול. יאַקובסאָן אין דער אינטימער סביבה פון זיינע שפּעטערדיגע נאַציאָנאַל-פּאָליטישע און פּאַרטייאישע פריינד. ער האָט בשום אופן קיינמאָל ניט געקענט פאַרגעסען דעם „קרע שבלב", וואָס די קינדער-יאָרען און די ערציהונג אין גימנאַזיע און אין פּאַטער-ה'יז האָבען אים געגעבען. די זעלבע ערציהונג האָט אים געשטויסען אין דער רוסישער גאַס, צום רוסישען פּויער און אַרבייטער; זי האָט אים געבראַכט אויך אין „איסקרע" (אלס סטודענט) און דערנאָך, ווען ער איז אַריין מיט'ן לייב און לעבען אין דער אידישער נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס-באַוועגונג—אין ציוניזם, האָט ער קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו וועלען היילען די וואונד, די צושפּאַלטונג צווישען „איד" און „מענש", וואָס זיין עפּאָכע האָט אים געגעבען...

און פון דעם האָט זיך ביי אים גענומען דאָס אומערמידליכע זוכען און אַמפּערען זיך פאַר אַ סינטעז פון גלות-אַרבייט און ארץ ישראל, דער קאַמף מיט'ן רבניש'ן שטייגער אין אידישען לעבען און דער עוואָליוציאָנערער קאַמף פאַר וועלטליכקייט. דאָס זוכען דעם סינטעז צווישען נאַציאָנאַלען און סאָציאַלען מאָמענט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

ווען אין 1905 יאָר איז יאַקובסאָן מיט די שטימען פון דער אידישער באַפעלקערונג און די קריסטליכע ערד-אַרבייטער פון גראָדנער גוב. אַריין אין דער ערשטער רוסלענדישער דומע, אין דעם ערשטען רוסלענדישען פּאַרלאַמענט, וואָס האָט אָנגעזאָגט אַ נייע תקופה אין לעבען פון די פעלקער אין רוסלאַנד, האָט דער פאַרשטאָרבענער באַלד פון די ערשטע וואָכען אָן געזאָרגט וועגען שאַפען די טרודאָוויסטישע ציוניסטישע פראַקציע. ער האָט געגלויבט, אַז דער וועג פון די אידישע אַרבייטענדע אין רוסלאַנד צו זייער באַפרייאונג געהט דורך דעם טרודאָוויזם, וועלכער דאַרף דורכגעפירט ווערען טריט ביי טריט מיט דער איינציגער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם אויף דער אידישער גאַס—מיט'ן ציוניזם. ער האָט אָבער דעם סינטעז ניט געפונען און דאָס האָט אין אים אַרויסגערופען אַ יאוש, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אין זיין אַרויסטרעטונג אויף דעם ציוניסטישען צוזאַמענפאָר אין העלסינגפאָרס, ווען ער האָט געפאָדערט פון איין זייט בשום אופן ניט געהן אין די וועגען פון די קאַדעטען און ניט האָבענדיג קיין אַנדער אויסוועג; האָט ער פאָרגעלייגט אין דער רוסלענדישער פּאָליטיק קיין שום אָבליגאַטאָרישע אַלגעמיינע פּאָליטישע פּראָגראַם ניט אָנצונעמען.—דאָס זעלבע האָט זיך נאָך געפילט אויך אין זיין לעצטען אַרויסטרעט—אויף דעם 7 טען אַלרוסישען ציוניסטישען צוזאַמענפאָר אין פּעטראָגראַד (1917).

אין תוך גענומען איז ער ניט קיין טעאָרעטיקער געוועזען, ניט קיין שעפער פון נייע פּראָגראַמען—ער האָט נאָר געשטעלט פראַגען, ער איז געווען דער אמת'ער בן גלות מיט זיינע ספקות און זוכענישן. אין אים האָט שטענדיג געלעבט דער גלות-אומרוה, די שטענדיגע ניט צופרידענהייט מיט דער געגענוואַרט און דאָס האָט אים גערופען און געשטויסען שטענדיג אויף דרייסטע טאַטען און זעהר אָפט אויף קרבנות.

זיין נאָמען איז שטאַרק פאַרבונדען מיט'ן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם. מיר וועלען ניט רעדען ניט וועגען זיין שווערער און פאַראַנטוואָרטליכער אַרבייט אין ביאַליסטאָק, ניט וועגען זיינע אַרויסטרעטונגען אין דומע. מיר וועלען נאָר דערמאָנען ווי ער האָט מיט בלוטיגע טרערען אין די אויגען געשילדערט אויף דער טריבונע, ווי די אידישע ווייס-בלויע פאָן, וואָס וויל נאָר וויסען פון אַ רוהיגען שעפערישען לעבען פאַר זיך און דער גאַנצער מענשהייט איז צוריסען געוואָרען, צעטראָטען מיט די פיס פון פּאָגראָמשטשיקעס און באַשפּריצט מיט בלוט פון אידישע זקנים, מוטערס און קינדער, זי איז רויט געוואָרען און רופט איצט צום קאַמף פאַר דער פאָלקאָמענער באַפרייאונג פון אַלע פעלקער און פון דעם אַלטען מאַרטירער—דעם אידישען פאָלק".

מיר וועלען ניט דערציילען וועגען זיין גרויסער אַרבייט אין ווילנער און גראָדנער קאַנט לטובת דער אידישער זעלבסטאָרגאַניזירונג, מיר וועלען ניט דערציילען וועגען די אַרויסטרעטונגען אויף פּאָליטישע פּראָצעסען, וואו דער פאַרשטאָרבענער האָט מיט זיין גאַנצע מענשענליבע געזעהן ראַטעווען פון טויט אין די קריגס-געריכטען די קעמפער פאַר פרייהייט. און נאָך ווייניגער וועגען זיין אַרבייט אין דער שטאָט אין וועלכער האָט געלעבט ביז 1916 יאָר. וועגען דעם וועלען דערצעהלען איינער דעם צווייטען יונג און אַלט אין ליטע ווען זיי וועלען דערהערען די טרויעריגע ידיעה פון דעם טויט פון וול. יאַקובסאָן.

מיר ווילען נאָר נאָך איינס אונטערשטרייכען: מוטיג אין לעבען און אין קאַמף איז דער פאַרשטאָרבענער אומערמידליך געשטאַנען אויף דער וואַך ביז 1915 יאָר. ווען וול. יאַקובסאָן איז צום לעצטען מאָל געקומען פון ווילנע, וואו ער האָט זיך באַגעגענט פנים אל פנים מיט די מאַסען היימלאָזע.

דאָס האָט ער ניט געקענט איבערלעבען: ער איז איינע מאָנאַטען געלעגען אויפ'ן קראַנקען בעט און אויפגעשטאַנען מיט אַ האַרץ-פעהלער, וועלכער האָט אים געבראַכט צום קבר...

אזוי איז געשטאָרבען איינער פון די קעמפער פאַר פרייהייט פון אידישען פאָלק, פון די אידישע אַרבייטס-שיכטען, איינער פון די' וואָס האָט מיט שטאָלץ געטראָגען אויפ'ן בלוטיגען לעבענס-וועג זיין ווייס-בלויע פאָן און זיין לאַנד פאַר זיין פאָלק...

און אַליין ניט דערגאַנגען.

י. מערעמינסקי.

פון דער פינסטערער פאַרגאַנגענהייט.

(אַרום דעם ביילים-פּראָצעס).

III.

מיט אַ גרעסערער אויפמערקזאַמקייט און מיט מער ערנסטקייט האָט מען זיך באַצויגען צו דיאַטשענקאָס ידיעות. דעם 16 אקטאָבער האָט ביעלעצקי טעלעגראַפיש אים געבעטען „מעגליך מודיע צו זיין וועגען די איינדריקען, וואָס די עקספּערטיזע האָט געמאַכט אויף די געשוואוירענע ריכטער און אויף די פאָרשטעהער פון דער באַשולדיגונג, דאָס זעלבע אויך וועגען די רעדעס, ווי אויך אַנדערע אויספירונגען. טיילט מיט וועגען דער שטימונג אין שטאָט".

אלס ענטפער אויף דער בקשה האָט דיאַטשענקאָ דעם 17-טען טעלעגראַפירט: „אין אַלגעמיין איז די מעדיצינישע עקספּערטיזע לטובת דער באַשולדיגונג. די פּראָקוראַטור און דאָס געריכט זיינען אויפגערעגט פון פּאַוולאָוו'ס עקספּערטיזע, וועלכע איז באַשיינפערליך נוטה לטובת דער פאַרטיידיגונג. פּראָפעסאָר קאָסאָראָטאָוו האָט היינט געמאַכט וויכטיגע ערווידערונגען קאַדיאַנען, פּאַוולאָוון, און אין אַ גרויסער מאָס אָבגעשוואַכט זייערע אויספירונגען, די פּראָקוראַטור זעהט פאַר זיך שטיץ-פּונקטען, זי רעכענט, אַז די באַשולדיגונג איז שטאַרקער געוואָרען".

ווייטער האָט דיאַטשענקאָ דעם 20 אָקטאָבער טעלעגראַפירט: ביי גרויסע פּראָטעסטען פון דער באַשולדיגונג האָט זיך דאָס געריכט אָבגעזאָגט צו פאַרעפענטליכען די פּראָטאָקאָלען פונ'ם סאַראַטאָווער פּראָצעס און אַנדערע, לויט דער מיינונג פון די אויפגערעגטע טשאַפּלינסקי, וויפּער'ן און די ציווילע אַנקלאָגער האָט דער פאָרזיצער געשעדיגט די וויכטיגסטע אינטערעסען פון דער באַשולדיגונג, ס'איז געשאַפען געוואָרען אַ קאָנפליקט. באָלדירעוו האָט מיר מיטגעטיילט, אַז דאָס געריכט האָט אָבגעזאָגט צו פאַרעפענטליכען די פּראָצעסען, וואָס זיינען צוגעשיקט געוואָרען פון פּעטערבורג, צוליב דער העכסטער מידקייט פון די געשוואוירענע ריכטער. סיקאָרסקי'ס עקספּערטיזע האָט לויט די ידיעות פון די זשאַנדאַרמען געמאַכט אויף די געשוואוירענע ריכטער אַ שטאַרקען איינדריק און איבערצייגט זיי אין דעם, אַז עס עקזיסטירען ריטועלע מאָרדען!

דעם 22 אָקטאָבער: „דאָס אומאויפהערליכע אויסהערען פּראַנאַטיסען מצד די ביידע צדדים האָט אָבגעשוואַכט די אַרגומענטאַציע פון זיין עקספּערטיזע, אַרויסווייזענדיג, אַז ער קען אַליין ניט די טעקסטען... טראָאיצקי און קאָקאָווצאָוו האָבען געגעבען ערקלערונגען, וואָס זיינען אויסערסט גוט פאַר דער פאַרטיידיגונג... וויפּער מיינט, אַז ס'איז פאַראַן אַ מעגליכקייט, אַז עס זאָל קומען צו אַ פרייַשפּרעכענדען פּסק-דין".

דעם 24 אָקטאָבער: „די ערשטע העלפט פון וויפּערס רעדע האָט געמאַכט אַ גרויסען איינדריק; דער הויפּט-חסרון פון דער רעדע איז דאָס, וואָס ביילִיסעס טעטיגקייט איז אָבגעמאָלט זעהר קורץ און בלאַס. לויט די ידיעות פון די אַגענטען האָבען די קאַדעטען און ליבעראַלען באַשלאָסען איינצואָרדנען פאַר די פאַרטיידיגער אַ גרויסען באַנקעט".

דעם 25 אָקטאָבער טעלעגראַפירט דיאַטשענקאָ: „זאַמיסלאָווסקי האָט געהאַלטען אַ קאָרעקטע, באַגרינדעטע דורך פאַקטישע מאַטעריאַלען רעדע, וועלכע האָט אויסגעבעסערט די חסרונות פון וויפּערס רעדע און האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדריק אויפ'ן עולם און די געשוואוירענע ריכטער, פון וועלכע אייניגע זיינען אפילו געווען גערירט ביז טרערען. אפילו די לינקע, ווי גרוזענבערג, האָבען געלויבט זאַמיסלאָווסקי'ס רעדע, וואָס האָט, איך רעכען, אויפגעהויבען באַדייטענד די שאַנסען פון דער באַשולדיגונג. אויפדערנאָכט האָט אָנגעהויבען רעדען אהן אַ סיסטעם און לאַנגווייליג שמאַקאָוו. לויט אַגענטורנע ידיעות האָבען די אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען לויט קאָראָלענקאָס עצה באַשלאָסען זיך אָבהאַלטען פון וואָסערע ניט איז אַרויסטרעטונגען, וועלכע לוינען נאָר דער רעאַקציע, ווייל זיי קאָנען זיך ענדיגען מיט אַ געשלעג. די אידען פירען זיך ווידעראַמאָל באַמערקבאַר חוצפּה'דיג („נאַחאַלנאָ")".

26 אָקטאָבער: „שמאַקאָוו האָט געענדיגט זיין רעדע, וועלכע איז געווען זעהר גוט נאָר בנוגע צום ריטואַל. מאַקלאַקאָוו האָט געהאַלטען אַ טאַלענטפולע, אַ שענע, לויט איהר פאָרם, שוואַך לויט'ן אינהאַלט, רעדע, וועלכע באַשולדיגט אינ'ם מאָרד גנבים אין דער וואָינונג פון טשעבעריאַק. אויפגערעגט האָט אָנגעהויבען רעדען גרוזענבערג מיט גרויס מוט, באַווייזענדיג דייטליך דעם מאָרד דורך גנבים. די רעדע איז אַ שיינע, אָבער ער פאַרדרעהט די פאַקטען. גרוזענבערג האָט פאַרגעשבעלט דער פאָליציי דריי הראָהוגגם־בריף, וועלכע ער האָט באַקומען. כדי צו זיין אָביעקטיוו, האָב איך פאָרגעלעגט דעם פאָליצמייסטער צו היטען אים, וואָס איז ערפילט געוואָרען. די אידישע באַפעלקערונג באַזוכט ניט די גאַנצע צייט די פאַרוויילונגס־ערטער. די בענק און האַנדעלס־פירמען אַרבעטען שוואַכער, ווי פאַראַיאָרען, און קלאָגען זיך אויף אַ קליינעם צופלוס פון געלט".

27 אָקטאָבער: „דער סוף פון גרוזענבערגס רעדע האָט ניט געמאַכט קיין גרויסען איינדרוק צוליב דער באַשיינפערליכער איינזייטיגקייט. זאַרודני'ס רעדע, וועלכע האָט נאָר געשטרעבט צו באַווייזען, אַז ביי אידען זיינען ניטאָ קיין ריטועלע מאָרדען, איז געווען קאָרעקט און דורך איר איבערצייגונגסקראַפט האָט זי געמאַכט אַן'איינדריק. די טאַלענטפולע און גלענצענדע רעדע פון קאַראַבטשעווסקי'ן, וועלכע האָט באַשולדיגט אינ'ם מאָרד די גנבים און טשעבעריאַק, האָט בלי ספק דורך איר הייסקייט, געמאַכט אַ גינסטיגען פאַר דער פאַרטהיידיגונג איינדריק, הגם די פּראָקוראַטור געפינט, אַז קאַראַבטשעווסקי'ס רעדע איז שוואַך לויט'ן אינהאַלט איהרען. וויפער האָט געענטפערט בעצם, זיך צוהיצט און געזאָגט עטליכע פראַזען, וועלכע קאָנען אָנצינדען די ראַסען־שנאה, זאָגענדיג, אגב, אַז די אידען ווילען אומברענגען רוסלאַנד. מ'האָט אַסך געטאַדעלט וויפערן".

27 אָקט. (ביינאַכט): „אין משך פון טאָג קומען פאַר לאַנגע רעפּליקען פון ביידע צדדים, וואָס האָבען איבערגעלאָזט אַן'איינדריק, וואָס איז מער גינסטיג פאַר דער פאַרטהיידיגונג".

ענדליך, דעם 28 אָקטאָבער: „דער פסק־דין האָט אָנערקענט, אַז דער מאָרד איז פאָרגעקומען אויף זייצעווס זאַוואָד. ביילים'ען האָט מען פריינעשפּראָכען".

צווישען די פאַרהאַלטענע בריף איז זעהר אינטערעסאַנט דער בריף, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרען אין פאָליציי־דעפּאַרטאַמענט דעם 17־טען אָקטאָבער 1913 פון אירקוטסק. אינ'ם דאָזיגען בריף, וועלכער איז אַדרעסירט צו גרוזענבערג'ן, טיילט מיט דער פאַרמשפּטער דורך דער קאַזאַנער געריכטס־פּאַלאַטע צו פיר יאָהר קאַטאָרגע, לויט אַרטיקל 102, סוסלאָוו, אַז אין אירקוטסקער טורמע האָט ער זיך באַגעגענט מיט באָריס רודזינסקי. דעם 1־טען סענטיאַבער האָט מען רודזינסקי'ן איבערגעגעבען די מעלדונג וועגען אַרויסרופען אין געריכט צום 25 סענטיאַבער. ער איז געוואָרען זעהר אויפגערעגט און בלאַס און די גאַנצע צייט זיך נאָכגעפרעגט צי מען וועט אים פירען קיין קיעוו. זיין אויפרעגונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט געוואָלט אַנטלויפען. ווען איך האָב אים אָנגעהויבען אויספרעגען, האָט ער געזאָגט, אַז אים האָט אַריינגעגעבען וועראַ משעבעריאַק. צוערשט האָט מען אים צוגעצייגען צום פּראָצעס אַלס אַ באַשולדיגטער, דערנאָך אַלס עדות, און וועג איז ער אַנטלאָפען, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם ביילים־פּראָצעס.

ווייטער שיקט סוסלאָוו אַ פּאָוועסטקע אויף אַ זאַקאַזנע בריף פאַר רודזינסקי'ן, וועלכע רודזינסקי האָט צוליב זיין אָבפאָרען ניט ערהאַלטען, און לעגט פאָר צו באַקומען דעם דאָזיגען בריף, וועלכער, קאָן זיין, וועט אַריינגיסען ליכט אין דער טונקעלער געשיכטע.

דער רב נאָרדין פון סמאָרגאָן האָט געשיקט דעם פאָרזיצענדען אין געריכט באָלדירעוו זיין ביכל „וואָס איז אַזוינס תלמוד". דאָס בוך האָט מען געבראַכט קיין פּעטערבורג און אין פאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט מען געמאַכט פאָלגענדע קורצע רעזאָלוציע: „ניט איבערשיקען".

ניט שטענדיג אָבער זיינען די באַשלוסען געווען „ווייטער ניט שיקען". ה' געץ פון ווילנא האָט נאָך פּראַנאַיטיסעס עקספּערטיזע אַוועקגעשיקט גרוזענבערגען אַ בריף, אין וועלכען ער האָט אויסגערעכענט זיינע מיינונגען וועגען איניגע נאַרישע אויסטייטשונגען פון תלמוד און אָנגעוויזען ציטאַטען, וועלכע קאָנען אויסגענוצט ווערען צום ערווידערן. דער בריף איז, פאַרשטעהט זיך, אַריינגעפאַלען אין דעפּאַרטאַמענט און אויף אים איז אַרויפגעלעגט געוואָרען די רעזאָלוציע: „שיקען דעם טאָג, ווען עס וועט זיך ענדיגען דער פּראָצעס".

צייטענווייז איז דעם פאָליציי־דעפּאַרטאַמענט אויסגעקומען צו פאַרנעמען זיך אויך מיט קלענערע זאַכען.

זאַמיסלאָווסקי און שמאַקאָוו האָבען געבעטען ביעלעצקי'ן צו קריגען דער נויטיגע פאַר די עקספּערטיזע „קבלת בבל", אָנווייזענדיג דערביי, אַז געפינען דעם בוך אין רוסלאַנד איז כמעט אוממעגליך. ביעלעצקי האָט אָנגעשריבען קיין פּאַריז דעם פאַרוואַלטער פון דער פאָליציי־אָבטהיילונג אין אויסלאַנד קראַסילניקאָוו'ן און אים געבעטען, כלומרשט פאַר דער ביבליאָטעק

פון דעפּאַרטאַמענט, צו קויפען אָט דעם בוך. „ניט אָבשטעלענדיג זיך פאַר'ן פּרייז", דאָס בוך איז געקויפט געוואָרען פאַר 200 מאַרק אין פראַנקפורט־מיין.

ווען ס'איז באַוואוסט געוואָרען, אַז קאָסאָרטאָוו וויל ניט פאָרען, ביז ער וועט ניט באַקומען קאַזיאָנע הוצאות אויפ'ן וועג קיין קיעוו, איז דעם יוסטיץ־מיניסטעריום צו הילף געקומען דער דעפּאַרטאַמענט, וועלכער האָט קאָסאָרטאָוו'ן אַרויסגעגעבען 4000 רובל. די קבלה פון פּראָפ. קאָסאָרטאָוו אויף די 4000 רובל געפינט זיך אין די דאָקומענטען. מ'האָט אויך געמוזט נעמען אויף זיך די הוצאות פונ'ם ציווילען אָנקלאַגער זאַמיסלאָווסקי, וועלכער האָט באַקומען פון דעפּאַרטאַמענט 2500 רובל.

אָט וואָס שטשעגלאָוויטאָוו האָט בשעת'ן אויספרעגען אין דער קאָמיסיע ערקלערט וועגען די דאָזיגע הוצאות, וואָס זיינען ניט פאָראויסגעזעהען דורך דער סמעטע פון פאָליציי־דעפּאַרטאַמענט:

— „קסענדז פּראַנאַיטיס האָט זיך געפונען אין טאַשקענט און אים איז געווען שווער צו קומען. דאָס איינענע איז אויך מיט קאָסאָרטאָוו'ן פון פּעטערבורג. דוכט זיך, אַז בנוגע צו די צוויי האָט דער דעפּאַרטאַמענט אָנגענומען מיטלען, כדי העלפען זיי צו קומען. די איניציאַטיוו האָט געהערט מיר. אין יוסטיץ־מיניסטעריום איז ניט פאַראַן קיינע אַנדערע מקורים און דער לוין, וואָס עס באַקומען די עקספּערטען איז זעהר קליין, צום פאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָב איך זיך געווענדעט דערפאַר, ווייל דאָס מיניסטעריום פאַר אינערליכע ענינים האָט בכלל אונז מיטגעהאָלפען. פאַרוואָס דאָס אינערן־מיניסטעריום האָט זיך אינטערעסירט מיט ביילים'ס פּראָצעס, קאָן איך ניט זאָגען, נאָר ס'איז אַ פאַקט, אַז עס האָט זיך מיט אים אינטערעסירט."..........

ווען דער פאָרזיצער פרעגט שטשעגלאָוויטאָוו'ן:

—„צי פיהלט איהר ניט אין דעם ווענדען זיך צום פאָליציי־דעפּאַרטאַמענט אַ שטאַרקע, כ'וואָלט זאָגען, ירידה פון געריכט?" ענטפערט ער: „איך בין גרייט דאָס מודה צו זיין".

(המשך—קומט).

ל. אלין.

דער קריזיס פון דער אידישער אווטאָנאָמיע.

די לאַגע.

די טעג וועט אין מיניסטערן־ראַט ווידער באַטראַכט ווערען דער נייער געזעץ־פּראָעקט וועגען דער נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וואָס דער געהילף מלוכה־סעקרעטאַר ראָמאַנאָוו האָט אויסגעאַרבעט.

אין זיין געזעץ רעכנט ה' ראָמאַנאָוו פאַרשטעלען די אווטאָנאָמיע, וואָס די צענטראַלע ראַדע האָט אָנגענומען. מען וויל אַרויסוואַרפן פונ'ם געזעץ דעם פּונקט וואו עס ווערט אָנגעוויזן, אַז יעדער נאַציע האָט רעכט צו פאַרבינדן זיך מיט אירע קהלות פון אויסלאַנד.

אויך רעכנט מען אינגאַנצן מבטל צו מאַכן די נאַציאָנאַלע מיניסטעריומס און אָנשטאָט דעם באַשאַפן אַ דעפּאַרטאַמענט פון צווישן־נאַציאָנאַלע ענינים ביים מיניסטעריום פון אינערן, אָדער ביים רעליגיעזן מיניסטעריום. דער דעפּאַרטאַמענט וועט זיך צעטיילן אויף עטליכע טיילן, און יעדער נאַציע וועט אַרויסשטעלן אַ קאַנדידאַט אויף אַ פאַרוואַלטער פון איר אָפּטיילונג.

די קלאַנגען וועגן דעם, אַז די רעגירונג האָט בכלל אָבגעשאַפן די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז אויף אַזאַ אופן ניט ריכטיג.

דאָך איז די לאַגע פון די אידישע אַנשטאַלטן אין צענטער און אין דער פּראָווינץ, באַזונדערס פונ'ם אידישן מיניסטעריום, אויסערסט שלעכט. קיין פאַרוואַלטער פונ'ם מיניסטעריום איז ניטאָ, א סך אַסיגנירונגען ווערן ניט אויסגעצאָלט פון דער רעגירונגס־קאַסע, די גאַנצע אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבייט האָט זיך כמעט אָבגעשטעלט.

אין דער אוקראַינישער פּרעסע.

אין דער אוקראַינישער פּרעסע הערן זיך לעצטנס שטימען פאַר אָבהיטן די נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלע אווטאָנאָמיע. אין „נאָוואַ ראַדאַ", דעם צענטראַלן אָרגאַן פון די סאָציאַליסטן־פעדעראַליסטן איז די טעג ערשינען אַן'אַרטיקל „אהן לאָגיק", אין וועלכן עס ווערט שאַרף קריטיקירט דער פּלאַן צו אָבשאַפן די נאַציאָנאַלע מיניסטעריומס און ס'ווערט באַוויזן די נויטווענדיגקייט צו ערהאַלטן זיי. די צייטונג דריקט אויס איר האָפנונג, אַז די אָרגאַנען פון דער נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אווטאָנאָמיע וועלן ווידער אויפלעבן און אַנטוויקלען אַ פרוכטבאַרע טעטיגקייט.

אהן א תשובה.

ווי באַקאַנט, האָט זיך דער געהילף פונ'ם מלוכה־סעקרעטאַר ה' ראָמאַנאָוו געווענדעט צום אידישן מיניסטעריום מיט אַן'אַנפראַגע וועגן דעם ווער איז פאָרזיצער פונ'ם נאַציאָנאַל־ראַט. מען האָט אים דאַן מודיע געווען, אַז דער נאַציאָנאַל־ראַט האַלט

בײַם קלײַבען אַ פּאָרזיצער. אַזױ װי אַ דאַנק דער פאַרברעכערישער סאַבאָטאַזש־טאַקטיק פון די אידישע סאָציאַליסטען קאָנען זיך די פּאַרטײען ניט אײניגען, גיט מען ניט דעם מלוכה־סעקרעטאַר קײן שום ענטגילטיגען ענטפער.

רעזאָלוציע פון פּראָסקוראָװער קהלה־ראַט.

דער פּראָסקוראָװער קהלה־ראַט האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אין װעלכער עס װערט צװישען אַנדערען פאָלגענדעס געזאָגט:

די גלײַכבערעכטיגונג פון דער אידישער נאַציע קאָן בשום אופן נישט פאַרװירקליכט װערען דורך די אָפיציעלע בירגער־רעכט, װעלכע האָבען נישט פאַקטיש אין לעבען קײן באַדײַטונג, װען די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג װעט אַלײן ניט באַשטימען איר גורל, אַלײן דורך אירע דעמאָקראַטישע אױטאָנאָמיע אַנשטאַלטען, באַפרידיגען אירע אײגענאַרטיגע אינטערעסען, װעלכע קאָנען אױסער זײ אַלײן דורך קײנעם ניט באַפרידיגט װערען.

נאָך דעם נסיון, װאָס מיר האָבען געהאַט אין משך פון דעם רעװאָלוציאָנערען יאָר שטעהן מיר פעסט אױף דעם פאָלגענדיגען שטאַנדפונקט: אַז די נאַציאָנאַלע אױטאָנאָמיע קאָן פאַרװירקליכט װערען נאָר מיט דער הילף פון אירע צענטראַלע אָרגאַנען, װעלכע דאַרפען פאַרװאַלטען מיט אַלע ענינים פון׳ם גאַנצען נאַציאָנאַלען פאַרבאַנד.

דאַריבער שטעלען מיר אַרױס אַ פאָדערונג:

שטעהן שטרענג אױף דער װאַך פון די אידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסען און אָננעמען אַלע מיטלען די אידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסען זאָלען אױך אױף װײַטער פאַרװירקליכט װערען דורך די אָרטיגע דעמאָקראַטישע קהלות און צענטראַלע אָרגאַנען.

די פּאָליאַקען בײַם העטמאַן.

אַ דעלעגאַציע פון דעם פּױלישען אױספיר־קאָמיטעט האָט באַזוכט דעם העטמאַן. עס איז באַהאַנדעלט געװאָרען די פראַגע װעגען דורכפירען אין לעבען די נאַציאָנ.־פּערס. אױטאָנאָמיע. דער העטמאַן האָט אָנגעװיזען, אַז די פראַגע דאַרף אָבגעלעגט װערען ביז ס׳װעט קלאָר װערען די מײנונג פון מיניסטאָרען־ראַט; הגם ס׳װעלען זײַן גרױסע שװעריגקײטען בײַם דורכפירען די פראַגע, דאָך װעט די רעגירונג קײן שטערונגען ניט מאַכען אין דעם ענין און װעט מיטהעלפען דער אָרגאַניזירונג פון דער פּױלישער געזעלשאַפט, כדי צו פאַרהיטען זײערע קולטורעלע, נאַציאָנאַלע און עקאָנאָמישע אינטערעסען אױף אוקראַינע.

אין׳ם אידישען נאַציאָנאַל־ראַט.

זיצונג פון 16 יוני.

אין פּרעזידיום זיצען בלױז די פאָרשטעהער פון „בונד“, „פּועלי־ציון“, „פאַראײניגטע“ און „אחדות“. אױפ׳ן סדר־היום שטעהט װידער די פראַגע װעגען דעם פאַרװאַלטער פון׳ם מיניסטעריום.

דער אַזױ גערופענער „לינקער פליגעל“ לעגט פאָר אױסצוקלײַבען אַ טעכנישען פאַרװאַלטער פון׳ם מיניסטעריום, װאָס זאָל זיך אין אַלע איבעריגע פראַגען װענדען צום נאַציאָנאַל־ראַט גופא. די ציוניסטען שטעלען פעסט, אַז לױט׳ן אינהאַלט איז דאָס די זעלבע רעזאָלוציע, װעלכע זײ האָבען אַרײַנגעטראַגען מיט אַ פּאָר װאָכען צוריק. זײ פאָדערען, אַז מען זאָל בפירוש אָנװײַזען, אַז „דאָס אַלטע פּראָגראַם פון׳ם מיניסטעריום (בנוגע צו דער קולטור־פּאָליטיק) װערט אָבגעשאַפט און דער פאַרװאַלטער פירט אױס נאָר די באַשלוסען, װעלכע װערען אָנגענומען דורך דער מערהײַט פון׳ם איצטיגען נאַציאָנאַל־ראַט.

נאָך אַ קלײנער דיסקוסיע װערט אָנגענומען דער ערשטער טײל פון דער רעזאָלוציע, װעלכע װערט אַרײַנגעטראַגען דורך דער בונדיסטישער פראַקציע:

„אַרױסגעהענדיג דערפון, אַז סײ דער נאַציאָנאַל־ראַט און סײ דער פאַרװאַלטער האָבען נישט קײן פאַראױס־אָנגעצײכענטע פּראָגראַם פון זײער טעטיגקײט, באַשטימט דער נאַציאָנאַל־ראַט א. אַ. װ.

אױף אַזאַ אױפן װערט פעסטגעשטעלט, אַז דער נאַציאָנאַל־ראַט אָנערקענט ניט מער דאָס פּראָגראַם פון דער קולטור־טעטיגקײט, ריכטיגער, קולטור־פּאָליטיק, װאָס איז אָנגענומען געװאָרען פון זײַן פריהערדיגען באַשטאַנד.

די דאָזיגע קאַפּיטולאַציע פון די סאָציאַליסטען רופט אַרױס פון זײער זײַט אַ צאָרן און זײערע פירער האַלטען רעדעס מיט די נידריגסטע אָנפאַלן און זלזולים בנוגע צו די ציוניסטען. עס װערט דערבײַ באַנוצט דער געװעהנליכער בונדיסטישער לעקסיקאָן, אין װעלכען עס הערען זיך נײַע גאַטקעס װעגען דעם, אַז די ציוניסטען זײַנען פון אײן זײַט אַ רעאַקציע און פון דער אַנדערער זײַט װילען זײ גאָר ניט די מאַכט, װאָס די סאָציאַליסטען לעגען זײ פאָר.

ה׳ קאַפּלאַן גיט דעם ה׳ ראַפעס אַ געהעריגען ענטפער. ער װײַזט אָן מיט פאַקטען אין די הענד, װאָס פאַר אַ אונערליכע, פאַרברעכערישע פּאָליטיק עס האָבען געפירט די סאָציאַליסטישע פּאַרטײען הן אין מיניסטעריום, הן אין דער ראַדע און לסוף אין נאַציאָנאַל־ראַט, שטיצענדיג זיך אױף דער אױסערער מאַכט.

אַרום דער צװײטער ציוניסטישער אױסבעסערונג, „אַז דער פאַרװאַלטער זאָל אױספירען די באַשלוסען פון דער מערהײַט, צופלאַקערט זיך אַ הײסער קאַמף. די בונדיסטען לעגען פאָר אַ הוספה „אױסער די קאָנסטיטוציאָנעלע פונקטען“.

זעהענדיג, אַז זײ האָבען ניט קײן מערהײַט, הױבען אָן די בונדיסטען און פאַראײניגטע אָבברעכען די זיצונג דורך ערקלערונגען, באַמערקונגען א. אַ. װ.

עס קומט פאָר אַ באַראַטונג פון פּרעזידיום, װעלכער ערקלערט דערנאָך, אַז ער איז צו קײן אײנשטימיגען באַשלוס מכח דעם, צי דאַרף דער דאָזיגער פונקט גופא האָבען צװײ דרימ־, כדי אָנגענומען װערען, נישט געקומען און גיט דעריבער אָן אין דיסקוסיע.

ה׳ לאַצקי פאַרבלײַבט נאָר אַלס טעכנישער פאָרזיצער.

זיצונג פון 18 יוני.

דער טעכנישער פאָרזיצער לעגט פאָר אױסקלײַבען אַ פּרעזידיום. די ציוניסטען געפינען, אַז ס׳איז נױטיג אױסקלײַבען אַ טעכנישען פאָרזיצער אױף דער הײַנטיגער זיצונג.

די „פאַראײניגטע“ און „בונד“ זאָגען זיך אַרױס פאַר אַ פּרעזידיום.

עס װערט באַשלאָסען אױסקלײַבען אַ פּרעזידיום. די פראַקציעס ציוניסטען און אחדות באַטײליגען זיך ניט אין די װאַהלען און האַלטען זיך אָב פון שטימען פאַר די אַרױסגעשטעלטע קאַנדידאַטען.

נאָך דער אָבשטימונג בעט ה׳ קאַפּלאַן (ציוניסט) אַרײַנצוטראָגען אין פּראָטאָקאָל, אַז דעם פּרעזידיום האָט אױסגעקליבען נאָר אַ דאַלב פון נאַצ. ראַט און ער קאָן דערום ניט אָפּשפּיגלען דעם גאַנצען נאַציאָנאַל־ראַט און שטעלט אים ניט פאָר.

דערנאָך װערט באַהאַנדעלט די פראַגע װעגען טערמין פון די װאַהלען פון דער צײַטװײַליגער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. עס װערט באַשלאָסען, אַז די װאַהלען זאָלען פאָרקומען דעם 14—15 און 16־טען יולי.

מען טרעט צו צו באַהאַנדלען דעם 2־טען פונקט פון דער רעזאָלוציע מכח דעם פאַרװאַלטער מיט דער ציוניסטישער הוספה, אַז דער פאַרװאַלטער פירט אױס אַלע באַשלוסען, װאָס װערען אָנגענומען אין איצטיגען נאַציאָנאַל־ראַט דורך אַ געװעהנליכער מערהײַט.

עס װערט געשטעלט אױף אָבשטימונג די ציוניסטישע הוספה און זי װערט מיט 30 געגען 30 ניט אָנגענומען. דער פונקט, אַז דער פאַרװאַלטער איז פאַראַנטװאָרטליך פאַר׳ן נאַציאָנאַל־ראַט װערט אָנגענומען אײנשטימיג.

בײַם באַטראַכטען דעם 3־טען פונקט פון דער רעזאָלוציע די, אַז אױפגאַבען פון פאַרװאַלטער זײַנען אָרגאַניזאַטאָריש טעכנישע ד. ה. אױפשטעלען די אָרגאַניזאַציע פון דער אידישער אױטאָנאָמיע און פאַרפעסטיגען אַ רעגעלמעסיגען באָדן אונטער איר, אין׳ם 1־טען סדר שטעהט פאַר אים די אױפגאַבע צונױפרופען די נאָך ניט אױסגעקליבענע קהלות און די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג, אַז בנוגע צו פּראָגראַמאַטישע פראַגען װי קולטור און אַנדערע פראַגען דאַרף דער פאַרװאַלטער אײַנע פראַגען אַרײַנטראָגען פון פאַל צו פאַל אין נאַצי ראַט). טראָגט דער חבר קאַפּלאַן (צ. צ.) אַרײַן אַ רײַע פאָרשלאָגען פון דער ערשטער אַרבײַטס־פּראָגראַם, װאָס די ציוניסטען האָבען אַרײַנגעטראָגען אױף אײַנע פון די ערשטע זיצונגען פון׳ם נאַציאָנאַל־ראַט, כמעט אַלע פונקטען, װעלכע עס זײַנען פריהער אָבגעװאָרפען געװאָרען װערען איצט אָנגענומען.

ובכן רופט אַרױס פאָלגענדער פונקט פון ה׳ קאַפּלאַן׳ס פאָרשלאָג:

„אָננעמען אַלע מיטלען, אַז אַלע אידישע געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלטען זאָלען איבערגעהן אין רשות פון די קהלות, ניט שטעלענדיג זײ קײן שום תנאים בנוגע צו דער למוד־שפּראַך אין דער אידישער שול און פאָדערן פון דער מלוכה און מאָניציפּאַליטעטען מיטלען פאַר די דאָזיגע אַנשטאַלטען.

חפץ, כורגין, לאַצקי און רעװאָצקי זאָגען זיך אַרױס געגען דעם פונקט, װײַל די פּרינציפּיעלע שפּראַך פראַגע װעט דער פאַרװאַלטער מוזען אַרײַן טראָגען אין נאַצי־ראַט. מען באַשולדיגט די ציוניסטען אין דעם, אַז זײ װילען כלומרשט אַרײַנשמוגלען פּרינציפּיעלע פאַקטען, די חברים קאַפּלאַן און גראָסמאַן שטעלען קודם כל פעסט, אַז דער דאָזיגער פונקט איז געװען שױן פריהער אין דער ציוניסטישער אַרבײַטס־פּראָגראַם, אַז נאָך די בונדיסטישע דראָהונגען מוז מען זיך באַװאָרענען א. א. װ. דער פונקט װערט אָבער ניט אָנגענומען; די פּועלי־ציון שטימען אױך געגען.

ה׳ קראַסני (פאָלקספּאַרטײ) טראָגט אַרײַן פאָלגענדע הוספה:

איבערנעמען אין רשות פון דער קהלה אַלע אידישע װעלטליכע געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלטען פאַר קולטור, סאַניטאַרע אַנשטאַלטען און סאָציאַלע פאָדערונגען.

די דאָזיגע הוספה װערט ניט געשטעלט צו דער אָבשטימונג. נאָכדעם װי די גאַנצע רעזאָלוציע איז שױן אָבגעשטימט אין אירע אײנצעלנע פונקטען, טרעט אַרױס דער חבר קאַפּלאַן און ערקלערט, אַז היות, װי די „לינקע“ פראַקציעס האָבען אָבגעװאָרפען די צװײ װיכטיגע אױסבעסערונגען, היות, װי די גאַנצע רעזאָלוציע װערט דורכדעם געענדערט און דער פאַרװאַלטער װעט זיך אפשר דערװעגען אַרײַנטראָגען געזעצען פון דער מינדערהײַט, װעלען די ציוניסטען שטימען געגען דער גאַנצער רעזאָלוציע.

ה׳ אַלישקאָװסקי ערקלערט, אַז אחדות האַלט אונטער די ציוניסטישע ערקלערונג און די גאַנצע רעזאָלוציע װערט ניט אָנגענומען.

נאָך דעם טרעטען אַרױס מיט לאַנגע רעדעס הפץ, אַנין, רעװאָצקי, װעלכע שיטען פעך און שװעבל אױף די ציוניסטישע קעפּ און באַמיהען זיך צו באַװײַזען, אַז די ציוניסטען זײַנען ניט פעהיג צו נעמען די מאַכט אין זײערע הענט, אַז ס׳איז געגאַנגען אױף די גרעסטע הנחות, נאָר די ציוניסטען װילען ניט נאָכגעבען א. א. װ.

מיט אַ ענטפער טרעטען אַרױס די חברים מערעמינסקי („צעירי ציון“) און גראָסמאַן (ציוניסטען).

ח׳ מערעמינסקי — װײַזט אָן, אַז די הנחות, אױף װעלכע די פאָרשטעהער פון „בונד“, „פאַראײניגטע“ און „פּועלי ציון“ געהען אײַן זײַנען נאָר באַגרענצונגען פון די רעכט פון דער נאַצ. פאַרזאַמלונג, אַז אין נאַציאָנאַל־ראַט האָבען מיר שױן אױס=

געהערט דעם ה' אַנין — וועלכער זאָגט „אונז איז ניט מער, מיר גלייבען ניט „אייער" פאָלק, און דעם ה' רעוואוצקי פון „פועלי ציון", וואָס האָט עפענטליך ערקלערט אז מיר ווילען ניט און דאַרפען ניט „אייער" ארץ ישראל. „מיר נעמען מיט שטאָלץ די אַרבייט פאַר'ן פאָלק און אונזער ארץ ישראל".

ה' גראָסמאַן לאַכט אויס די משונה'דיגע פּאָזיציע פון די אידישע סאָציאַליסטען, וועלכע בעמיען זיך ביי די ציוניסטען, אז זיי זאָלען נעמען די מאַכט און גלייכצייטיג שטעמפּלען זיי זיי אלס רעאַקציאָנערען און קאָנטר-רעוואָלוציאָנערען. ווער עס באַגראַבט די אויטאָנאָמיע, וועט משפּטן די געשיכטע, אָבער אייערע מעשים זאָגען געגען עדות פון אייערע אמת'ע כונות.

———

זיצונג פון 21 יוני.

די זיצונג עפענט ה' זילבערפאַרב. אויפ'ן סדר-היום שטעהען די ווייטערדיגע שנוים אין'ם סטאַטוט וועגען דער צייטווייליגער נאַצ. פאַרזאַמלונג.

ה' גראָסמאַן לעגט פאָר 2 אויסבעסערונגען אין'ם פונקט „ז" אַרטיקעל 5: די ערשטע, וועגען דער קאָמפּעטענץ פון דער צייטווייליגער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, האָט אויף דער לעצטער זיצונג באַקומען 35 פאַר אין 25 קעגען און ער האַלט זי פאַר אָנגענומען. די צווייטע זאָגט: „... ביז דער צייט פאַרוואַלטעט די צייטו. נאַצ. פאַרזאַמלונג מיט אלע ענינים פון אידישען לעבען".

ה' נאַוואַקאָווסקי געפינט איין, אז די צווייטע פאָרמול פון די ציוניסטישע פראַקציעס איז צו ברייט... מען דאַרף זאָגען קאָנקרעט.

די ציוניסטישע אויסבעסערונגען ווערען ניט אָנגענומען.

צום אַרטיקעל 6 טראָגט דער ה' גראָסמאַן אריין א שנוי; אנשטאָט „נאַציאָנאַל-ראַט" — „ועד", וועלכער האָט אין דער אידישער געשיכטע א באַשטימטען זין און באַ-בינד איין תקופה מיט דער צווייטער היסטאָרישער תקופה.

דער שנוי באַקומט 30 פאַר און 30 געגען.

אין נאָמען פון די ציוניסטישע פראַקציעס חייזום אָן דער ה' מערעמינסקי, אז דער פּרעזידיום דאַרף שטעלען צו אָבשטימונג דעם גאַנצען אַרטיקעל 5, ווייל די ערשטע אויסבעסערונג וועגען די קאָמפּעטענץ איז אָנגענומען דורך דער מעהרהייט (35 פאַר און 25 געגען). „מיר האַלטען דעם פונקט פאַר אָנגענומען, דער ה' גראָסמאַן האָט דאָס אין זיין היינטיגען אַרויסטרעטען אונטערגעשטראַכען און דער פּרעזידיום האָט ניט ערווידערט". דער פאָזיר-צער ה' זילבערפאַרב ענטפערט, אז דער 1 טייל האָט ניט באַקומען קיין 2/3 — איז ער ניט אָנגענומען, דאָס וואָס דער ה' גראָסמאַן האָט געזאָגט האָט ער ניט געהערט.. ער ערקלערט קאַטעגאָריש, אז ער וועט ניט שטעלען דעם גאַנצען פונקט צום אָבשטימען.

דער ה' מערעמינסקי מאַכט דאָן אויפמערקזאַם, אז צוליב דעם, וואָס דער פּרעזידיום האָט דערלאָזען א פעלער און האָט ניט געשטעלט אויף אָבשטימונג דעם גאַנצען פונקט האָט ער מיט דעם אָבגענומען די מעגליכקייט אריינטראָגען צו דער צייט פשרה-פאָרשלאַגען. דעריבער טראָגט ער איצט אריין פאָלגענדע רעדאַקציע צום פונקט „ז" אַרט. 5.

„ביז דאַן פאַרוואַלטעט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג מיט אלע אידישע ענינים, און בתוכם מיט בילדונג, סטאַטיסטיק און סאָציאַלע הילף, וואָס איז שייך דער אידישער נאַציע אין די גרעניצען פון אוקר.".

דער דאָזיגער פאָרשלאַג אין דער זעלבער רעדאַקציע איז אריינגעטראָגען געוואָרען מיט איינינע חדשים צוריק דורך די „פאַראייניגטע" און דעריבער האָפען מיר, אז ער וועט אָנגענומען ווערען אין נאַצ.-ראַט.

דער פאָרזיצער שטעלט צו אָבשטימונג צי מען קען פאָרמעל זיך אומקערען צום אַרטיקעל 5, בשעת מ'האַלט שוין ביים זיבעטען. די לינקע 30 געפינען ניט פאַר מעגליך די נייע הוספה צו שטימען.

דער ה' גראָסמאַן פּראָטעסטירט שאַרף געגען די באַציהונג פון פּרעזידיום, וואָס ערלויבט ניט שטעלען אויף אָבשטימונג דעם פאָרשלאַג און קענען דעם צביעות פון די סאָציאַליסטען. „דאָס קען נאָר זיין דאָרט וואו די זאָגענאַנטע „פאַראייניגטע" פאַרטיי געדענקט ניט, אָדער וויל ניט געדענקען אירע פאָרשלאַגען און ניט וועלענדיג שטימען געגען איי-גענעם פאָרשלאַג פירט דורך דער איינזייטיגער פּרעזידיום, אז דער פאָרשלאַג ווערט ניט געשטימט, אייער אייגענע רעזאָל.ציע האָט איר איצט אָבגעוואָרפען. און דאָס הייסט „מען ראַטעוועט די אויטאָנאָמיע".

ה' קראַסני טראָגט אריין אין נאָמען פון פאָלקס-פאַרטיי א נייעם פונקט אין סטאַטוט: „די צייטווייליגע פאַרזאַמלונג האָט דאָס רעכט צו באַטראַכטען און אָננעמען באַשלוסען וועגען ענדערען דעם פאָריגען סטאַטוט און שטעלט זיי צו דעם מיניסטער פאַר אידישע ענינים, דורכצופירען זיי אויפ'ן געזעצגעבערישען אופן.

דער פאָרשלאַג פון פאָלקס-פאַרטיי ויערט אָבגעשטימט אין 2 טיילען. די צווייטע העלפט (פונ'ם גאָרט „און שטעלט צו") בעקומט 30 פאַר ביי 30 בנעהאַלטענע, די ערשטע העלפט: 33 פאַר ציוניסטען, אהדות און פאָלקס-פאַרטיי), 20 ביי 3 אָבגעאַלטענע. דער גאַנצער פונקט ווערט אויף אזא אופן ניט אָנגענומען, ווייל ער באַקומט ניט קיין 2/3.

דער ה' זלאַטאָפּאָלסקי פּראָטעסטירט וואָס ביי א גאַנץ נייעם פונקט, ניט קיין שנוי פאַרערט מען ווידער 2/3 מיט דעם צוועק שנוי באַגרענעצען די רעכט פון פאָלק און זיינע פאָרטרעטער. די ציוניסטישע פראַקציעס זיינען געקומען אַרבייטען, זיי געהען אויף הנחות און וואַנדערבאַר, ווען מיר טראָגען מיר טראָגען אפילו אריין פאָרשלאַגען פון די „פאַראייניגטע" שטעלט מען צוליב „פאָרמאַלע" טעמים ניט צו דער אָבשטימונג.

אין זאַל ווערט א טומעל. פון די בענק פרעגט מען „צי דער פּראָטאָקאָל איז געדריקט אין א צייטונג" פון וואַנען באַקומט ה' ליטוואַקאָוו „דאָקומענטען", שפּיאָנאַזש, פאַלש, און א. וו.

דאָס וואָרט באַקומט דער ה' ליטוואַקאָוו וועלכער לעזט א כלומרשטען פּראָטאָקאָל פון א זיצונג פון דער ציונ. צ. ק. אין אוקראַינע פון 18 מאַי וועגען 2/3.

דאָס אידישע לעבען אויף אוקראַינע.

צו די וואַלען אין פאָרפּאַרלאַמענט.

דעם 7 יוני איז פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג פונ'ם הויפּט-וואַהל-ביוראָ צו דער צייטווייליגער אידישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. דער דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט פון נאַציאָנאַלער זעלבסט-פאַרוואַלטונג האָט אָבגעגעבען א באַריכט וועגען דעם צושטאַנד פון די וואַהלען צו די קהלה-ראַטען ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אז די אַדמיניסטראַטיווע קאָמיסיע האָט ביז איצט באַשטעטיגט די וואַלען אין 94 קהלות. פאַר די לעצטע טעג איז אָנגעקומען די ידיעות און געשעפטספירונג וועגען די וואַלען נאָך פון בערך 20 קהלות. אין אַלע גרעסערע שטעט זיינען די וואַלען שוין פאָרגעקומען. פאַקטיש האָט שוין כמעט א העלפט פון דער אידישער באַפעלקערונג אויף אוקראַינע זיך באַטייליגט אין די וואַלען צו די קהלה-ראַטען. דאָס הויפּט-וואַל-ביוראָ האָט באַשלאָסען אָננעמען פון זיין זייט א רייהע שריט כדי יענע קהלות, וואו ס'זיינען נאָך קיין וואַלען ניט פאָרגעקומען, זאָלען דאָס טון אין די נעכסטע פאַר וואָכען, כדי די אַנשפּרעכענדע קהלות זאָלען זיך קאָנען באַטייליגען אין די וואַלען צו דער צייטווייליגער אידישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג.

דאָס הויפּט-וואַל-ביוראָ האָט באַשלאָסען, אז ס'מוז געגעבען ווערען 14 טעג פון דעם, ווען ס'וועט געמאַכט ווערען די ערשטע אָפיציעלע מעלדונג פון הויפּט-וואַל-ביוראָ וועגען די וואַלען אויף צושטעלען די קאַנדידאַטען-צעטלען, און פון דעם טאָג אָן 12 טעג ביז דעם ערשטען טאָג פון די וואַלען. אויף אַזאַ אופן האָט דאָס הויפּט וואַל-ביוראָ באַשלאָסען פאָרשלאָגען דעם נאַציאָנאַל-ראַט צו באַשטימען די וואַלען אויף דעם 9—7 יולי, בתנאי, אז ניט שפּעטער פון 11 יוני זאָלען פאַרעפענטליכט ווערען די וואַל-תקנות און געמאַכט ווערען די ערשטע מעלדונגען פון הויפּט-וואַל-ביוראָ.

אָפיציעזער אנטיסעמיטיזם.

די איינציגע צייטונג אין קיעוו, וועלכע רעכענט ניט פאַר נויטיג צו פאַרדעקען איצט איר אנטיסעמיטיזם, איז די אוקראַאינישע „ווידראָדזשעניע", דער ביזאיצטיגער אָרגאַן פון קריגס-מיניסטעריום. טאָג-טעגליך ויערט אין אָט דער דאָזיגער צייטונג, וואו עס אַרבייטען א סך גאַליצישע אוקראַאינצעס, געפירט אַנ'אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע און עס הערען זיך דראָהונגען בנוגע צו דער אידישער באַפעלקערונג.

מיט רעכט פרעגט די „קיעווער מיסל", וואָסער א פונקט פון דער רעגירונגס-פּראָגראַם אַנשפּרעכט אָט די קאַזיאָנע אנטיסעמיטישע העצע און ווי פיהלען זיך די ה"ה וואַסילענקאָ, טשובינסקי, רזשעפּעצקי, וואַגנער און ענדליך, ה' גוטניק, ווען זיי לייענען זייער איינציגען אָפיציאָז.

נאַציאָנאַלע סעקציעס.

דעם 11 יוני איז פאָרגעקומען א זיצונג פון צענטראַל-קאָמיטעט פון אַלאוקראַאינישען פאַראיין פון די אַרבעטער און אַנגעשטעלטע אין דער צוקער-אינדוסטריע.

די זיצונג איז געווען אויסשליסליך געווידמעט דער קולטור און בילדונגס-אַרבעט אין פאַראיין. ס'איז אָנגענומען געוואָרען:

1) אזוי ווי דער אַלאוקראַאינישער פאַראיין פון די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון דער צוקער-אינדוסטריע פאַראייניגט אין זיך ביז הונדערט טויזענט אַרבעטער פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטען, טאָ דאַרף די קולטור און בילדונגס-אָבטיילונג פון פאַראיין צעטיילט ווערען אויף פאָלגענדע נאַציאָנאַלע סעקציעס: אוקראַאינישע, רוסישע, פּוילישע און אידישע.

2) יעדע סעקציע דאַרף זיין אויטאָנאָם, אומאָפּהענגיג און דורכפירען איר אַרבעט אין הסכם מיט איר פּראָגראַם. יעדער סעקציע קלייבט אויס איר פּרעזידיום.

3) דער פּרעזידיום פאַר דער גאַנצער קולטור און בילדונגס-אָפּטיילונג ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון די פאָרשטעהער (פאָרזיצער) פון די באַזונדערע סעקציעס.

4) די געלטען, וועלכע ווערען אַסיגנירט פון צענטראַל-קאָמיטעט אויף די אויסגאַבען פון דער קולטור און בילדונגס-אַרבעט, ווערען צייטווייליג פונאַנדערגעטיילט אויף פאָלגענדען אויפן:

א דריטעל אויף דער אוקראַאינישער, א דריטעל אויף דער רוסישער און צו זעקסטעל אויף דער אידישער און פּוילישע, סעקציעס.

וועגען די נייע שולען.

ווי באַוואוסט, איז ניט לאַנג פאַרעפענטליכט געוואָרען א צעטעל פון אסך אידישע קאַזיאָנע שולען, וועלכע זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין העכערע אָנהייב-שולען, אין דעם צעטעל געפינען זיך אויך דריי אָדעסער שולען. אין די אַלע שולען מוז נע-

לערנט ווערען אַלץ אין אידיש—אַזאַ תּנאי האָט געשטעלט דאָס אידישע מיניסטעריום. אינטערעסאַנט איז, וואָס די דרײַ אדעסער שולען זײַנען „כּאַנליקט" געוואָרען מיט דער דאָזיגער רעפאָרם מיט אײַניגע טעג פאַר אָדער בשעת עס איז שוין קאָנסטרואירט געוואָרען די אדעסער קהלה, וועלכע איז לויט דער אָנערקענונג פון אַלע פּאַרטײַען די אײַנציגע פאָרשטעהערין פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג, און מ׳האָט אפילו ניט געהאַלטען פאַר נויטיג צו פרעגען בײַ איר אַ דעה. דאָס איז די טאַקטיק פונ׳ם מיניסטעריום, וואָס פערלאַנגט, אַז מען זאָל אים בלינד פאַרטרויען.

געלט פאַר אוקראַינישע אידען.

דאָס אידישע מיניסטעריום באַקומט בריוו פון אַסך אידישע פּראָווינץ און קהלה־ראַטען, אַז שוין אַ לאַנגע צײַט קריגען די אידישע פאַמיליעס ניט קײן געלט פון אַמעריקע, וואו זײ האָבען אײַגענע און קרובים. דערבײַ טײלען מיט אײַניגע פון די דאָזיגע אידען, אַז זײ האָבען שוין אפילו באַקומען פּאָסט־אָנווײַזונגען אויף צו באַקומען דאָס געלט, דאָך די פּאָסט גיט זײ דאָס געלט ניט אַרויס.

דאָס אידישע מיניסטעריום האָט זיך געווענדעט צום אוקראַינישען אויסערען־מיניסטער, אַז ער זאָל אָננעמען אַלע מיטלען, די פּאָסט זאָל אַרויסגעבען די אידישע פאַמיליען דאָס געלט, ווי אויך זעהן, אַז דאָס אַמעריקאַנער געלט, וואָס געפינט זיך אין רוסלאַנד, זאָל איבערגעשיקט ווערען קײן אוקראַינע און אַרויסגעגעבען ווערען די נויטיגע אַדרעסאַטען.

אין בערדיטשעוו.

דעם 9־טען יוני איז אין בערדיטשעוו פאָרגעקומען אַ ליטעראַריש־מוזיקאַלישער אָוענט אינ׳ם נײַ געעפענטען ציוניסטישען קלוב „קדימה". בײַם קלוב איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרען אַ לעזע־זאַל.

די קולטור־קאָמיסיע בײַם ציוניסטישען שטאָט־קאָמיטעט האָט געגרינדעט אָוענט־קורסען פאַר ערלערנען די העברעאישע שפּראַך. אין דער נעכסטער צײַט ווערען אויך געגרינדעט אומזיסטיגע קינדער־קורסען, וואו עס וועט געלערענט ווערען: די העברעאישע שפּראַך און אַריטמעטיק (צײַטווײַליג אויף אידיש).

אין בערדיטשעוו האַלט אין אָרגאַניזירען זיך אַ ספּאָרטיווער קרײַז „מכּבי". עס איז שוין געדונגען געוואָרען אַ פּלאַץ, אויף וועלכען דער שטאָט־קאָמיטעט רעכענט אײַנאָרדנען אויך אומזיסטיגע קינדער־שפּילען.

פון „תרבות".

אין מאַי זײַנען געקומען פון מאָסקווע קײן קיעוו אײניגע מיטגליעדער פון צ. ק. פון „תרבות", האָבען אָרגאַניזירט דאָ דאָס צענטראַל־ביוראָ און צוגעטראָטען צו דער אַרבײט אויף אוקראַינע.

דאָס ביוראָ האָט אָנגעהויבען די פאַרבאַרײַטונגס־אַרבעט צום אַלגעמײנעם צוזאַמענפאַר, וואָס דער צ. ק. רופט צונויף דעם 20 יולי נ. ס. דער דאָזיגער צוזאַמענפאַר דאַרף געבען אַן ענטפער אויף אַלע פראַגען פון נאַציאָנאַלער ערציהונג און קולטור, וואָס שטעהען פאַר אונז אין דער נײַער אוקראַינע. דער צ. ק. פאַרענדיגט איצט דאָס צוזאַמענשטעלען פון פּראָגראַם פונ׳ם צוזאַמענפאַר. אויפ׳ן צוזאַמענפאַר וועלען אַרויסטרעטען מיט פאַרטראַגען באַוואוסטע שרײַבער און כּלל־טוער.

אינ׳ם צירקולאַר, וואָס דער אוקראַינישער צ. ק. האָט צעשיקט זײַנע אָבטײלונגען, געפינען מיר פאָלגענדע שטעלען:

„צוליב דעם נײַעם פּאָליטישען מצב, וואָס איז געשאַפען געוואָרען איצט אין אוקראַינע, האָט דער צ. ק. פון „תרבות" אין מאָסקווע דעלעגירט אײניגע חברים קײן קיעוו צו גרינדען דאָ אַ באַזונדערע אָבטײלונג פון צ. ק. פאַר אוקראַינע. די ערשטע אַרבײט פון דעם נײַעם צ. ק. איז צונויפרופען אַ גרויסען צוזאַמענפאַר פון פאָרשטעהער פון אַלע אָבטײלונגען פון „תרבות" אין אוקראַינע. די עפענונג פונ׳ם צוזאַמענפאַר איז באַשטימט געוואָרען אויפ׳ן 20 יולי נ. ס.

דער צענטראַל־קאָמיטעט בעט אַלע חברים פון פּראָווינץ זײ זאָלען תּיכף ומיד אָנהויבען די פאַרבאַרײַטונגס־אַרבײט צו אָרגאַניזירען דעם צוזאַמענפאַר, כּדי ער זאָל האָבען אין זיך די נויטיגע לעבעדיגקײט און ווערט.

דער צוזאַמענפאַר האָט אויך אַ באַזונדער דעקלאַראַטיווען ווערט הן כּלפּי פּנים והן כּלפּי חוץ. דער צוזאַמענפאַר דאַרף מאָביליזירען אַלע אונזערע געזעלשאַפטליכע קרעפטען און גיבען דעם נויטיגען און ענדגילטיגען ענטפער אויף אַלע פראַגען פון קולטור און נאַציאָנאַלער ערציהונג. באַזונדער דאַרף דער צוזאַמענפאַר קאָנצענטרירען אַרום זיך די בעסטע געזעלשאַפטליכע און אַרבײַטס־פעהיגע קרעפטען, וואָס זאָלען מיטהעלפען צו שאַפען אַ געזונטע און שטאַרקע פאָלקסטימליכע אָרגאַניזאַציע.

לויט די תּקנות פון אונזער אָרגאַניזאַציע, וואָס זײַנען באַשטעטיגט געוואָרען אויף דעם ערשטען צוזאַמענפאַר אין מאָסקווע האָבען יעדערע 50 מיטגליעדער דאָס רעכט צו שיקען 1 פאָרשטעהער אויפ׳ן צוזאַמענפאַר. די אָפּטײלונגען, וועלכע צאָלען ווײַניגער פון 50 מיטגליעדער פאַראײַניגען זיך מיט די נאָהענטע פּונקטען און שיקען אַ פאָרשטעהער. דער צ. ק. ווענדעט זיך צו אַלע אָבטײַלונגען און צו אַלע חברים זײ זאָלען זעהן פאַרגרעסערען די צאָל פון חברים און גרינדען אָבטײַלונגען דאָרט ווי זײ זײַנען נאָך ניט פאַראַן.

די רשימות פון די שקל־צאָלער דאַרפען צוגעשטעלט ווערען ניט שפּעטער פונ׳ם 1 יולי נ. ס. די וואָס האָבען ניט אײַנגעצאָלט דעם „תרבות־שקל" האָבען ניט דאָס רעכט צו קלײַבען אַ פאָרשטעהער.

די פּראָגראַם פון צוזאַמענפאַר וועט אין גיכען פאַרעפענטליכט ווערען.

יענע וואָך זײַנען אין קיעוו געעפענט געוואָרען זומער־קורסען פאַר העברעאישע לערער.

די קורסען וועלען באַשטעהן פון 4 סעקציעס:

1) מאַטעמאַטיק—לערער מ. קיפּער.
2) נאַטורוויסענשאַפט—לערער א. כּהנשטאַם און ד״ר טשאַרנאַ.
3) האַנט־אַרבײַט און מאָלען (ציור)—לערער א. בהניל.
4) מעטאָדיק פון לײענען און שרײַבען — ד״ר טשאַרנאַ.

חוץ דעם וועלען זײַן אַלגעמײַנע פאָרלעזונגען פאַר די צוהערער:

1) פּעדאַגאָגיק—א. כּהנשטאַם.
2) היסטאָריע פון ערציהונג בײַ אידען—ד״ר טשאַרנאַ.

די למודים וועלען זיך אָנהויבען דעם 16־טען יוני און פאַרענדיגט ווערען דעם 16־טען יולי. די צאָל צוהערער וועט זײַן 200.

אנקלאַגעס פון די קהלה־ראַטען.

צום מיניסטעריום פאַר אידישע ענינים קומען אָן כּסדר מעלדונגען וועגען דעם, אַז די אָרטיגע מאַכט פאַרווערט די זיצונגען פון די נײַ אויסגעוועהלטע קהלה־ראַטען, ווענדען זיך צום מיניסטעריום, זאָל אָננעמען מיטלען, כּדי עס זאָל ניט געשטערט ווערען די אַרבעט פון דער אידישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. איי אַלע אַזעלכע פאַלען ווענדעט זיך דאָס מיניסטעריום טעלעגראַפיש דער אָרטיגער מאַכט מיט אַן ערקלערונג, אַז לויט דעם עקזיסטירענדען געזעץ פון 2 דעקאַבער 1917 וועגען נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אַוטאָנאָמיע, רעכענען זיך קהלה־ראַטען פאַר מלוכה־רעכטליכע אנשטאַלטען, און די זיצונגען זײערע האָבען דאָס רעכט פאָרצוקומען אָהן שום ספּעציעלע ערלויבנישען.

וועגען פּאָגראָם אין ראַדול.

אין דער אָפיציעלער מעלדונג פון קריגס־מיניסטעריום וועגען די געשעהענישען אין ראַדול ווערט אָנגעוויזען, אַז דאָרט איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס צווישען די דײַטשען און אוקראַינער, „וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך אַ פּראָוואָקאַציע מצד די אידען".

וועגען די הרוגים פון ראָמאַדאַן.

דאָס מיניסטעריום פאַר אידישע ענינים האָט באַקומען פונם קהלה־ראַט פון מירגאָראָד פיר פאָטאָגראַפישע בילדער פון הרוגים, וואָס זײַנען אומגעקומען בעת די געשעהענישען אין ראָמאַדאַן און זײַנען געבראַכט געוואָרען צו קבר ישראל אין מירגאָראָד. דרײַ פון די הרוגים זײַנען דערקענט געוואָרען. דאָס זײַנען: דוד אחרענקאַ, מרדכי גאָלדבערג פון באָהוסלאַוו (קיעוו. גוב.), נחמן קרומלצאַדיק פון קריוקאָוו (פּאָלט. גוב.) אײַנער איז אָבער פון קײַנעם נאָך ניט דערקענט. ווער עס געפינט פאַר נויטיג קאָן זעהן אין מיניסטעריום דאָס פאָטאָגראַפישע בילד פון דעם אומבאַוואוסטען, אפשר וועלען אויף אַזאַ אופן זיך געפינען די קרובים און נאָהענטע פונ׳ם ערמאָרדעטען. די געשעהנישען אין ראָמאַדאַן זײַנען פאָרגעקומען אין אָנהויב פון חודש מאַי.

די קיעווער קהלה און די שׂרפה אויף פּאָדאָל.

פון דער שרעקליכער שׂרפה אויף פּאָדאָל האָבען שטאַרק געליטען טויזענטער אידען, בײַ וועלכע עס איז אָבגעברענט געוואָרען זײער גאַנץ פאַרמעגען. הונדערטער אידישע פאַמיליעס זײַנען געבליבען אָהן אַן אָרט, וואו איבערצונעכטיגען.

אויף מאָרגען נאָך דער שׂרפה, ווען די הײַזער האָבען נאָך געגליהט, האָט דער פאָרזיצער פון דער קיעווער קהלה ה׳ מ. נ. סירקין באַזוכט פּאָדאָל, כּדי פעסטצושטעלען די גרויס פונ׳ם אומגליק און אָנצונעמען די נויטיגע מיטלען. חבר סירקין האָט גלײַך פאַראָרדענט, אַז מען זאָל באַזאָרגען די געליטענע מיט עסען און געלעגער. אַלע געליטענע באַקומען כּשר עסען אין דער קיך מעזשינאַרסקי 2 אויפ׳ן חשבּון פון דער קהלה.

דער פאָרזיצער פון דער אידישער קהלה ה׳ מ. נ. סירקין נעמט אויף ספּעציעל די געליטענע פון פּאָדאָלער שׂרפה טעגליך פון 10 ביז 11 אַזײגער אין דער פריה אויף טריאָכסוויאַטיטעלסקע 3.

דעם 19 יוני איז אונטער דעם אָנפיר פון דעם פאָרזיצער פון דער קיעווער קהלה מ. נ. סירקין פאָרגעקומען אַ פּלענאַרע זיצונג פון דער קאָמי־

סיע צו העלפען די נשרפים אויף פאָדאָל, ס'זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען פאָלגענדע סעקציעס: פינאַנציעלע, יורידישע, וואוינונגס, שפייז, הלבשה, קרעדיט, פון בילדונג און פאַרזאָרגונג פון קינדער, אויספאָרשונגס און רעגיסטראַציאָנס. אייניגע סעקציעס זיינען שוין צוגעטראָטען צו זייער אַרבייט. צו באַפרידיגען די באַדערפענישען פון די נשרפים איז נויטיג גראַנדיעזע מיטלען. די קאָמיסיע האָט געפינען פאַר נויטיג צו אַסיגנירען צוליב דעם ציעל 2000.000 רובל. פון די דאָזיגע געלט וועט אַ גרויסער חלק ארויסגעגעבען ווערען די געליטענע דורך הלואה. אנהויבענדיג איר אַרבייט, רופט די קאָמיסיע די אידישע באַפעלקערונג צו אַקטיווע שטיצע. אין דעם קריטישען מאָמענט צווייפעלט די קאָמיסיע ניט אויף איין מינוט אין דעם, אַז די באַפעלקערונג וועט אין אַלץ קומען צו הילף די געליטענע ברידער.

דער קיעווער אידישער קהלה-ראַט האָט אַסיגנירט 30000 רובל (צוואַנציג טויזענט האָט געגעבען דער מיטגליד פון קהלה-ראַט ה' העפנער) פאַר די פאָדאָלער נשרפים.

דער קהלה-ראַט האָט אַרויסגעלאָזט פאָלגענדען אויפרוף צו דער קיעווער אידישער באַפעלקערונג.

„אַ נייער אומגליק האָט זיך אויסגעגאָסען אויף קיעוו, וואָס האָט דעם לעצטען יאָר אַזוי שווער געליטען. די גרויסע שרפה אויף פאָדאָל האָט חרוב געמאַכט גאַנצע קוואַרטאַלען. אויפ'ן אָרט פון הייזער און הויפ'ן — בערגלאך אַש, בדיל הדל געשטעלט הונדערטער און טויזענטער משפחות. נאָך נעכטען בעלי-בתים אין אייגענע וואוינונגען, וואַרשטאַטען, פאַרזאָרגט מיט פרנסה — היינט הויל, נאַקעט און באָרועס, אַ סך אויך הונגעריג און אַלע אָהן אַ דאַך איפ'ן קאָפּ.

די נויט איז גרויס. און אין דעם מאָמענט ווענדעט זיך צו אייך די קיעווער אידישע קהלה, אויסגעקליבען דורך די ברייטע דעמאָקראַטישע אידישע פאָלק-שיכטען און רופט צו אייך העלפען די קרבנות פון דעם שרעקליכען שרפה-אומגליק.

נישט מיט קיין קליינטשקע נדבות-גראָשענס קאָן מען העלפען דעם דאָזיגען אומגליק. אַ היים, האַרץ און ברייטע האַנט פאָדערט דער איצטיגער מאָמענט. די נויט איז גרויס, די באַדערפענישען אונגעהייער.

כדי צו אָרגאַניזירען די הילף-אַרבייט אין איין אָרט, האָט די קיעווער קהלה אויסגעקליבען אַ באַזונדערע קאָמיסיע פון ראַטמענער, מיטגלידער פון דער שטאָט-דומע און כלל-טוערס. די קאָמיסיע וועט האָבען ביי זיך רשימות אין נאָמען פון דער קהלה און מיר האָפען, אַז אומעטום וועלען די קאָמיסיע-מיטגלידער אויפגענומען ווערען פריינדליך מיט אַ אָפענעם האַרץ און אַ ברודערליכער האַנט.

ברידער אידען! מיר ווילען האָפען, אַז דאָס אידישע געפיהל פון אחדות און מיטלייד איז נאָך לעבעדיג אין אונז, די אַנערקענונג פון ברודער-נויט און ברודער-חוב".

צו אַלע קהלות.

אין דעפּאַרטאַמענט פון פאָלקס-בילדונג ביים מיניסטעריום פאַר אידישע ענינים קומען אָן פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלאַך אָנפראַגען, ווי זיך צו באַגעהן, כדי אויסצופירען, אַז די אָרטיגע פאָלקס-שולען זאָלען איינגעשלאָסען ווערען אין שול-נעץ. דערויף מעלדעט דער דעפּאַרטאַמענט פאַר פאָלקס-בילדונג פאָלגענדעס:

ביים אַריינשליסען וועלכע-ס'איז שול אין דער אַלגעמיינער שול-נעץ באַדאַרף מען זיך ווענדען מיט אַ בקשה צו דער שטאָט-דומע (דאָרט וואו אַזעלכע עקזיסטירט), אָדער צו דער זעמסטווע (דאָרט, וואו קיין שטאָט-דומע עקזיסטירט ניט).

ווענדען זיך קאָנען די דעמאָקראַטישע קהלות, און דאָרט, וואו קיין דעמאָקראַטישע קהלות זיינען נאָך ניטאָ — דער פּעדאַגאָגישער ראַט, אָדער די אַנשטאַלט, וואָס פאַרוואַלטעט פאַקטיש מיט דער שול.

אויב ס'האַנדעלט זיך וועגען אַ שוין עקזיסטירענדער שול, וואָס דאַרף איינגעשלאָסען ווערען אין שול-נעץ, איז נויטיג אָנצייזען אין דער בקשה פאָלגענדע ידיעות:

1. די צאָל קינדער, וואָס לערנען זיך אין שול.
2. דער טיפּ פון שול (מענער פרויען, געמישטע).
3. אויף וויפיל יאָר איז אויסגערעכענט דער קורס פון שול.
4. די צאָל קלאַסען (גרינדליכע און פּאַראַלעלע).
5. אָנווייזען, אַז די פּראָגראַם פון שול אַנטשפּרעכט דער פּראָגראַם פון די אַלגעמיינע אָנפאַנג-שולען.
6. די צאָל פון לערער-פּערסאָנאַל, רעכענענדיג פאַר יעדער קלאַס 1 לערער (אָדער לערערין): זייער נאָמען, פאָטערס נאָמען, פאַמיליע, לערער-צענז.
7. די שול-הוצאות (דירה, באַהייצען, באַלייכטען, דינערשאַפט, לערער-פּערסאָנאַל, לערער-מיטלען, קאַנצעליאַריע און אַנדערע).
8. שול געביידע (אָנווייזען צי האָט די שול אַן אייגענע דירה, אָדער אַ געדונגענע).

די רעכט פון אידיש.

אויף איינער פון די לעצטע זיצונגען פון דער יעקאַטערינאָסלאַווער קהלה, וואו די ציוניסטען האָבען די מערהייט, איז באַשלאָסען געוואָרען צו ווענדען זיך אין אַלע מלוכה-אַנשטאַלטען מיט פּאַפּירען אין דער אידישער שפּראַך. אויף אַ ווענדונג אין פּאָסט האָט דער פּאָסט-פאַרוואַלטער געענטפערט, אַז כל זמן עס וועט ניט זיין קיין אידישע רעפּובליק, דאַרף מען זיך ווענדען אין פּאָסט אין דער מלוכה-שפּראַך — אין רוסיש.

די קהלה האָט דאַן באַשלאָסען צו ווענדען זיך אין אידישען מיניסטעריום, ס'זאָלען באַשיצט ווערען די רעכט פון דער אידישער שפּראַך.

די נייע קהלות.

אין באָרזנאַ (טשערניגאָווער גוב.) האָבען ביי די קהלה-וואַהלען די ציוניסטען צוזאַמען מיט די אָרטאָדאָקסען דורכגעפירט 15 ראַטמענער פון דער אַלגעמיינער צאָל 25.

דעם 9 יוני איז פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג פונ'ם ניי-אויסגעקליבענעם קהלה-ראַט און עס זיינען אויסגעקליבען געוואָרען: אַלס פאָרזיצער — ראַסנאָווסקי (ציוניסט), געהילף-פאָרזיצער — טענענבוים (אָרטאָדאָקס) און סעקרעטאַר — זשאַטאָווסקי (בונד).

אין ווערהאָווקע (פּאָד. גוב.) זיינען דעם 23 מאַי פאָרגעקומען די וואַהלען אין קהלה-ראַט. פון 538 וועהלער זיינען געקומען 300. עס זיינען אויסגעקליבען געוואָרען: ציוניסטען מיט אָרטאָדאָקסען — 8, סוחרים — 5, פּ"צ — 2.

אין ניעזשין (טשערניג. גוב.) זיינען אויסגעקליבען געוואָרען: ציוניסטען — 12, אחדות — 10, פּ"צ — 4, בונד — 3, נאַציאָנאַל-דעמאָקראַטען — 2. די ערשטע זיצונג איז פאָרגעקומען דעם 27 מאַי.

אין אַלעקסאַנדראָווסק זיינען פון 6000 וועהלער געקומען 1700. עס זיינען אויסגעקליבען: ציוניסטען — 12, אָרטאָדאָקסען — 8, פּ"צ — 6, בונד 4, פאַראייניגטע — 2, בעלי-מלאכות — 1.

אין גראָסולאָוו (בעסאַר. גוב.). האָבען געשטימט 456 וועהלער; עס זיינען אויסגעקליבען געוואָרען: ציוניסטען 10, „אחדות" — 3, קאָאָפּעראַטיווען — 2.

זשאַבאָקריטש (פּאָד. גוב.): בעלי-בתים — 11, גרופּע יוגענט — 3, ציוניסטען — 1.

טשערנאָווצי (פּאָד. גוב.): ציוניסטען — 11, „אחדות" 4, בעלי-מלאכות — 4.

ניקאָפּאָל (יעקאַט. גוב.): ציוניסטען — 6, בתי-מדרשים 6, „אחדות" 4, פּ"צ 4, בונד — 2.

בעלילאָווקע (קיעוו. גוב.): ציוניסטען — 9, בונד — 7, פּ"צ — 2, „אחדות" — 2, בעלי-מלאכות — 1.

טעאָפּיפּאָל (וואָל. גוב.): אַרבעטער און בעלי-מלאכות 11, סוחרים — 4, ציוניסטען 2, קולטור-פאַראיין — 2.

מיאַסטקאָווקא (פּאָד. גוב.): „אחדות" — 12, ציוניסטען 8, פּ"צ 3, אומפּאַרטייאישע — 3.

וויטעבסק: ציוניסטען מיט אחדות — 26, כנסת ישראל 16, בונד 9, פאַראייניגטע 6, פּ"צ 4, פאָלקס-פּאַרטיי 1, צ"צ 5, געזעלשאַפטליכער בלאָק 3.

פּאָלטאַווע: צ"צ — 2, פאַראייניגטע — 2, איינגוואוינער פון אָסטראָווקע — 1, פאָלקס-פּאַרטיי — 2, בונד — 6, ציוניסטען — 6, פּ"צ — 2, פּאָדאָל. צעטל — 1, אומפּאַרטייאישע נאַצ. — 9, פּאָדאָלער אגודת ישראל — 1, אגודת ישראל — 9, קליין-הענדלער — 1.

ווערכנע-דנעפּראָווסק (יעקאַט. גוב.): ציוניסטען — 7, אומפּאַרטייאישע — 4, אַרבייטער, אָנגעשטעלטע און אָרעמע-לייט — 8, היימלאָזע — 2.

אָרעכאָוו (טאַווערישע גוב.): צ"צ — 4, פּ"צ — 3, בעלי-מלאכות — 3, אומפּאַרטייאישע — 3, „אחדות" — 5.

מעליטאָפּאָל (טאַווערישע גוב.): ציוניסטען — 12, בונד — 7, „אחדות" — 6, בעלי-מלאכות — 2, פאַראייניגטע — 1, פּ"צ — 1, פרויען — 1.

ארץ שראל.

די לאַגע אין ירושלים.

עס זיינען דערהאַלטען געוואָרען פּריוואַטע בריף פון קינדער, וואָס זיינען פאַרבליבען אין ירושלים צו זייערע עלטערן אין אייראָפּע. די בריף זיינען פון אָנהויב אַפּריל און די ענגלישע צענזור האָט זיי דורכגעלאָזען.

איינער שרייבט: „מיר האָבען היינט קיין שום שטיצע נישט, אויסער דאָס ביסעל מעהל, וואָס מיר דערהאַלטען פון דער קהלה-פאַרוואַלטונג, עס איז נאָך אַ גאָטס-וואונדער, וואָס די קהלה קאָן נאָך אויסטיילען דאָס ביסעל מעהל. נייעס פון אונז קאָן איך דיר שרייבען נאָר דאָס: דער יקרות איז אונגעהייער גרויס. אַזוי, למשל, קאָסט אַנ'אונצע פלייש 45 מעטאַליק (ס'הייסט, לערך אַ האַלב פונט פלייש 6 רובל.) אַרויטעל האָלץ-קויהלען צום קאָכען 36 מעטאַליק (ס'הייסט 7 און אַ האַלב פונט 5 רובל) איין אונצע (האַלב פונט) בוטאַיל 36 מעטאַליק (5 רובל), אַנ'איי 10 מעטאַליק (1½ רובל), אַ רויטעל מעהל 130 מעטאַליק (7 און אַ האַלבען פונט מעהל 20 רובל), אַ רויטעל האָלץ 7 מעטאַליק (7 און אַ האַלב פונט האָלץ 1 רובל).

אַ צווייטער שרייבט: „איך האַלט דיר דאָס ניט שרייבען, אָבער איך בין געצוואונגען. מיר האָבען אַלץ פון שטוב פאַרקויפט נור בכדי צו קאָנען דערהאַלטען דאָס לעבען. אונזער קהלה לעבט זיך איצט זעהר שלעכט".

די מיליטערישע לאַגע אין פּאַלעסטינע.

לויט די איבערזיכטען פון אַחטאָריטעטע מיליטערלייט ווערט די לאַגע אין פּאַלעסטינע פאָרגעשטעלט אויף אַזאַ אופן.

דער, אָנגריף פון די ענגלענדער איז פאָרגעקומען ניט אויף דער גאַנצער ברייט פון דער גרעניץ-ליניע האַלב-אינזעל סיני פּאַלעסטינאַ (פונ'ם מי-

טעל־ים — אקאבא איבער 200 קילאמעטער). נאר בלויז אנ'ערך אויף א העלפט ברייט, לערך 100 קילאמעטער, פונ'ם מיטעל־ים ביז דושעבעל על מאכרא. פון דאנען ארויס קאן די פראנט־ליניע געצויגען ווערען ביז צום צפון־מערב־ווינקעל פונ'ם ים־המלך. זי געהט דאן א שטיקעל איבער'ן ירדן צו מזרח־ארויס, דערנאך פארבויגט זי זיך און געהט צוריק אין א גלייכער ליניע פון יפו צום מיטעל־ים. די דאזיגע צפונ'דיגע פראנט־ליניע געהט מסתמא אונגעפעהר פאראלעל מיט דער גרעניץ־ליניע יהודה — שומרון, עטוואס מער צו דרום. די פונקטען סילוואר, אטארא, על־נעבי־סאלך, דער בארג בעל אסור א"וו זיינען דערמאנט געווארען אין די לעצטע קריגס־באריכטען. די דאזיגע פונקטען ליגען אין די בערג פון יהודה אויף העלפט וועג פונ'ם וועג ירושלים—שכם.

וואס עס באשטימט קודם־כל די מיליטערישע לאגע, איז דאס, וואס די טערקען באזיצען נאך אלץ די העדזשאבאהן, וואס געהט פון דמשק דורך דער געגענט פון מזרח־ירדן, קיין דרום.. דאס באדייט א שטענדיגע דראהונג פאר'ן פלאנג פון די ענגלענדער; צוליב דעם דאזיגען טעם וואגען זיי ניט צו מאכען קיין אנגריף געגען שומרון (אין דער ריכטונג צו צפון), אידער זיי האבען נישט איבערגעריסען די באהן. דעריבער האבען זיך די שטארקסטע קאמפפען פון די לעצטע וואכען אבגעשפילט אויפ'ן טייל פראנט, וואס איז צום ווייטסטען ארויסגערוקט, צו מזרח זייט, און וואס ציהט זיך צו צפון פונ'ם ים המלח איבער'ן ירדן. לכתחילה איז די ענגלענדער געלונגען איינצונעמען עס־סאלט—וואו עס געפונען זיך די בארימטע פאספאט־לאגערן—און פון דארט ארויס צו אטאקירען געגען די וויכטיגע סטאנציע פון דער העדזשאס־באהן,—אמאן. די טערקען און די דייטשען איז אבער געלונגען ווידער צו פארטרייבען פון עס־סאלט און איך א נייע אטאקע אין אנהויב מאי איז דורכגעפאלען ביי גרויסע פארלוסטען פון די ענגלענדער, וועלכע האבען לויט'ן טערקישען באריכט געמוזט אבטרעטען צום מערב־ברעג פונ'ם ירדן.

אזוי ווי אינ'ם דאזיגען קאמפף־ראיאן זיינען די טערקען צוליב באזיץ פון דער העדזשאס־באן אין א פיעל גינסטיגער לאגע, ווי די ענגלענדער, בנוגע רעזערווען א"וו., און אחוץ דעם איז איצט אנגעקומען די הייסע צייט — וואס וועט זיך באזונדערס שטארק לאזען פיהלען אין טאל פונ'ם ירדן — דארף מען זיך דערביי ריכטען אויף א הפסקה אינ'ם קאמף ביז הערבסט.

די ענגלענדער האבען פלייסיג אויסגענוצט די צייט, וואס זיי אקופירען יהודה, אויף צום אויסבעסערען די וועגען און דורכצופיהרען נייע. זיי האבען אויך דורכגעפירט די לייטונג פון טרינק־וואסער פון קאאירא ארויס דורך דעם האלב־אינזעל סיני קיין יהודה, וואס איז זיכער א גרויסער טעכנישער אויפטו.

פאנד פאר'ן ווידעראויפבוי פון א"י.

פון האאג טיילט מען מיט, אז די אמעריקאנישע זאמלונגען פאר'ן ווידעראויפבוי פון ארץ־ישראל האבען שוין אנהויב מארט דערגרייכט 950000 דאלאר. אין 10 טעג ארום האט באדארפט גיווערען א גאנצער מיליאן דאלאר.

אין דער זאמלונג האבען זיך באטייליגט 300 שטעט פון די פאראייניגטע שטאטען, ארגענטינע, קאנאדע און בראזילען. מער ווי 150000 איינצעלפערזאנען האבען געגעבען זייערע נדבות. ניו־יארק האט געגעבען 300000 דאלאר.

פארשידענע נייעס.

— דעם 14 מאי איז אין עגיפטען געעפענט געווארען דער בריק איבער דעם טייכל זועץ און עס איז דורכגעגאנגען דער ערשטער צוג פון דער באהן קאאיר־ירושלים.

— די שולען פון דייטשען הילפס־פעראיין אין ירושלים האבען די ענגלענדער געעפענט אלס אידישע שולען, וואס זיינען אריבער אין דעם רשות פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

— די אמעריקאנער אידען שיקען קיין ארץ־ישראל א גאנצע סאניטאר־אבטיילונג מיט 15 דאקטוירים, 15 פעלדשערס און אפטייקערס און דאס גאנצע געשיר פון א גוט איינגעארדנעטען קראנקען־הויז. אויף אויסצוהאלטען עס איז באשטימט 50000 דאלאר יערליך.

— אין מערב־איראפע גרייט מען זיך צו א אנגריף פון די טערקען און דייטשען אין פאלעסטינע, כדי צונעמען ירושלים פון די ענגלענדער.

וועגען דער פאסט פון פאלעסטינע.

פון לאנדאן שרייבט מען, אז אין פארלאמענט האט מ"ר וואט זיך געווענדעט מיט א פראגע צו דעם פאסט־מייסטער דזשענעראל, וואס איז די סבה, אז עס איז פאר די לעצטע דריי וואכען נישט אנגעקומען קיין פאסט פון פאלעסטינא און אז עס האבען אנגעהויבען וועגען דעם ארומגעהן נישט קיין גוטע קלאנגען?

דער פאסטמייסטער האט דערויף געענטפערט: מען האט מיר וועגען דעם מיטגעטיילט, צו מיין גרעסטען באדויערען. די סבה, וואס די פאסט איז

נישט אנגעקומען איז אבער צוליב די געשעהענישען אין פראנקרייך חייל א טייל פון דער פאסט קומט דורך איטאליען און פראנקרייך. איך האף אבער, אז די פאסט וועט אין גיכען אנקומען.

אויף דער פראגע פון גענעראל מעק קלעמאנס ערקלערט דער פאסטמייסטער, אז וועגען יעדער אזעלכען צופאל וועט געגעבען ווערען א מעלדונג דעם פובליקום, כדי אויסצומיידען ניט געווינשטע קלאנגען.

געשטארבען ש. ווילקאמיטש.

אין פאלעסטינע איז געשטארבען דער באקאנטער העברעאישער פעדאגאג ש. ווילקאמיטש.

דער אידישער לעגיאן.

ווי מיר האבען געמעלדעט, האט זיך די לעגיאן־באוועגונג פארשפרייט אייך איבער אמעריקע, לויט די לעצטע ידיעות זיינען אנהויב מאי אבגעפארען פון אמעריקע קיין מצרים נאך צוויי באטאליאנען אידישע פרייוויליגע, וועלכע וועלען אין ארץ־ישראל צושטעהען צום אידישען לעגיאן, וואס קעמפט דארטען.

פון יפו מעלדעט מען, אז דער אידישער לעגיאן אין פאלעסטינע איז שוין געוועזען אין שלאכט און האט זיך אויסגעצייכענט מיט גבורה און טאפפערקייט. די אידישע טיילען האבען ניט נאר איינגעהאלטען זייערע פאזיציעס, נאר האבן נאך צוגענומען א שטיק טעריטאריע ביי די טערקען.

די ציוניסטישע באוועגונג.

די ציוניסטישע באוועגונג אין פוילען.

אויף די לעצטע זיצונגען פונ'ם ציוניסטישען מרכז אין ווארשא איז באטראכט געווארען די פראגע וועגען דעם, וואס די „צעירי ציון" זיינען אריינגעטרעטען אין „מרכז" אלס אגודה, וואס פירט אירע איינענע ארבייט זעלבסטשטענדיג, אונטערווארפענדיג זיך די דירעקטיווען פון צ. ק. פון „צעירי ציון". אין „מרכז" ווערט געגרינדעט א סעניארען־קאנווענט, אין וועלכען ס'נעהמען אריין פארטרעטער פון צעירי ציון. ס'איז געוועהלט געווארען א נייער פארוואלטונג פון 12 פערזאן, צווישען זיי 5 פון צעירי ציון. דער „מרכז" האט זיך פראקלאמירט אלס פאלקסטימליך דעמאקראטישע ארגאניזאציע פון דער ציוניסטישער יוגענט.

עס איז אויך באטראכט געווארען די ציוניסטישע טעטיגקייט בנוגע די גמינע־וואהלען.

„צעירי ישראל".

אין ווין האט זיך ארגאניזירט א חברה פון דער ארטאדאקסיש־נאציאנאלער יוגענט „צעירי ישראל". די חברה שטעלט זיך די אויפגאבען צו שטודירען און פארשפרייטען די העברעאישע ליטעראטור און וויסענשאפט און שטרעבען צו ערווערבען פאלעסטינע פאר אידען, ווי אויך ארבייטען אין דעם גייסט צווישען די פאלקס־מאסען אין גלות.

לעגאליזירט די „צעירי ציון".

די מאכט האט לעגאליזירט די ווארשאווער ארגאניזאציע „צעירי ציון" אונטער נאמען: „ציוניסטיש־דעמאקראטישע פאראייניגונג „צעירי ציון". לויט דעם לעגאליזירטען סטאטוט פארשפרייטען די „צעירי ציון" זייער טעטיגקייט נאר אויף ווארשא.

דאס צענטראל־ביורא פון די „צעירי ציון" באקומט כסדר מעלדונגען פון אגודות, וואס שליסען זיך אן אין די „צעירי ציון". ביז איצט האבען זיך שוין אנגעשלאסען אגודות פון 36 שטעט. דאס צענטראל־ביורא האט פונאנדערגעשיקט פראגע־בויגענס וועגען צושטאנד פון דער ציוניסטישער באוועגונג צו העכער 200 פאראיינען, פון וועלכע א סך האבען שוין צוגעשיקט תשובות.

די צעירי ציון באמיהען זיך אויך האבען אן איינפלוס אויף דער פאליטישער טעטיגקייט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פוילען, און זיי נעמען אויך אנ'אנטייל אין דער וואהל־קאמפאניע.

פאראייניגונג פון ס"ס און פ"צ אין אמעריקע.

דער צענטראל־קאמיטעט פון די אמעריקאנער סאציאליסטען־טעריטאריאליסטען, וועלכע האבען נאך פאראיארען אנגענומען פאלעסטינע, אלס א טעריטאריע, האט אנגענומען א באשלוס צו פאראייניגען זיך מיט די „פועל־ציון".

רעפרעסיעס געגען „פועלי־ציון".

די פארפאלגונגען געגען „פועלי ציון", וואס קומען פאר אין עסטרייך, האבען זיך אריבערגעווארפען קיין פוילען.

אין ווארשע זענען די טעג ארעסטירט געווארען צוויי פירער פון דער פוילישער פועלי־ציוניסטישער פארטיי שודעק און לעוו.

קאנפערענץ פון אלגעמיינע ציוניסטען.

א גרופע פון אנגעזעהענע ציוניסטישע טוער האבען ארויסגעלאזט אנ'אויפרוף צו אלע ציוניסטען.

אין וועלכע עס ווערט געמעלדעט וועגען אַ קאָנפערענץ, וואָס ווערט צונויפגערופען ערב דעם אַלאוקראַיִנישע ציוניסטישען צוזאַמענפאָר, וועלכער וועט פאָרקומען מסתמא סוף יולי, כדי צו באַטראַכטען פאַרשידענע אָרגאַניזאַציאָנס-פראַגען און די שטעלונג צו צעירי ציון.

אינ'ם אויפרוף ווערט אגב געזאָגט: „זאָלען אווידעראַמאָל די אַלע, וואָס האָבען ביז דער לעצטער צייט געטראָגען אויף זייערע פּלייצעס די גאַנצע פּאַרטיי אַרבעט, זיך שטעלען בראש פון דער באַוועגונג און שפּילען אומעטום אויף די ערטער די אָנפירענדע ראָלע, אויף וועלכער זיי האָבען רעכט“.— „אונזער קאָנפערענץ דאַרף באַהעפטען אַלע אַלטע, אויסגעפּרובטע פּאַרטיי-אַרבעטער און צוגרייטען דעם נצחון פון די בעסטע ציוניסטישע טראַדיציעס אויפ'ן קומענדיגען צוזאַמענפאָר“.

דער אויפרוף לעגט פאָר אומעטום אויסצוקלייבען דעלעגאַטען צו איינעם אויף 200 שקלצאָלער.

דער אויפרוף איז אונטערגעשריבען פון פאָלגענדע פּערזאָנען:

מ. אוסישקין, מ. ברוק, א. דרוינוב, ז. טמקין, י. טריבוס, י. מכובר, מ. נ. סירקין, ש. שוואַרץ.

פונ'ם אוקראַינישען מרכז.

דאָס צייטווייליגע צענטראַל-ביוראָ פאַר אוקראַינע ווייזט אַרויס די לעצטע צייט אַ אויסערגעוועהנליכע טעטיגקייט אין משך פון אַ קורצער צייט האָט דאָס ביוראָ אַרויסגעלאָזט אַסך צירקולאַרען צו די חברים און געשיקט אויף די ערטער צענדליגער אינסטרוקטאָרען.

אין איין צירקולאַר ווערט געמעלדעט, אַז ביים מרכז איז געגרינדעט געוואָרען אַ ספּעציעלע אָבטיילונג פאַר קהלה-ענינים, וועלכע האָט די אויפגאַבען: אָנפירען מיט די וואַהלען, סטאַטיסטיק פון וואַהלען געבען דירעקטיוען אַלע ציוניסטישע קהלה-פראַקציעס, צוגרייטען מאַטעריאַל פאַר דער קהלה-פראַגע אין נאַציאָנאַל-ראַט, אָנפירען מיט דער אַרבעט אויף צונויפרופען אַ קהלה-באַראַטונג.

אינ'ם צירקולאַר ווערט דייטליך אויסגערעכענט, וואָס די ציוניסטישע פראַקציעס אין די קהלה-ראַטען האָבען צו טון און עס ווערט אָנגעוויזען, אַז די לעצטע צייט זיינען אין איינינע קהלות אויסגעקליבען געוואָרען ניט אַזוי פיל ציוניסטישע מיטגלידער, ווי מ'האָט געקאָנט ערוואַרטען לויט די פריהערדיגע רעזולטאַטען. דער מרכז פאָדערט אויף אנשטרענגען אַלע כחות, אַז אַזעלכעס זאָל מער ניט פאָרקומען.

אַ צווייטער צירקולאַר איז געווידמעט דעם נאַציאָנאַל פאָנד, וואָס איז אַזוי וויכטיג פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון ארץ-ישראל און די צילען פון ציוניזם. אַלע געלדער דאַרפען תיכף איבערגעשיקט ווערען קיין קיעוו לויט'ן אַדרעס:

Кіевское Промышленное О-во Взаимнаго
Кредита, Кіевъ, Крещатикъ № 27.
Текущій счетъ временнаго главнаго
бюро Національнаго Фонда за № 675.

אַ דריטער צירקולאַר דערמאָנט וועגען די וואַהלען צום פאָ-פּאַרלאַמענט און גיט איבער די אינטערעסאַנטע פּרטים פון פאַרהאַנדלונגען אין נאַציאָנאַל-ראַט און עס ווערט אויפגעפאָדערט, אַז קיין איין שטים פון די ציוניסטישע מיטגלידער אין די קהלה-ראַטען טאָר ניט געהן פאַרלוירען.

צווישע אנדערע פעלקער.

פּוילישער צוזאַמענפאָר.

ניט לאַנג איז אין קיעוו פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון פּוילישע פּאַרטייען-פאָרשטעהער. עס זיינען געוועזען דעלעגאַטען פון די נאַראָדאָווע דעמאָקראַטען, פון דער פּאַרטיי פון אומאַבהענגיגע פּוילען, רעאַלע פּאָליטיקער און אומפּאַרטייאישע. איינשטימיג האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער עס ווערט געזאָגט, אַז דאָס שטרעבען צו אַ אומאַבהענגיגע פּוילען מיט אַ אייגענעם ים-ברעג איז דער וואונש פונם גאַנצען פּוילישען פאָלק און כדי צו פאַרווירקליכען אָט דעם ציל דאַרפען זיך פאַראייניגען אַלע פּאַרטייען און גרופּען. אַ חוץ דעם ווערט אין דער רעזאָלוציע געזאָגט אַז אַ געזעצליכע פּוילישע מאַכט קאָן געשאַפען ווערען נאָר דורך דעם פאָלקס-ווילען מיט דער הילף פון אַ סיים, וואָס דאַרף צונויפגערופען ווערען אויף דעמאָקראַטישע יסודות.

צווישען די אוקראַינער.

צווישען די אוקראַינער פּאָליטישע פּאַרטייען ווערט באַטראַכט די פראַגע וועגען צונויפרופען אַן אַלאוקראַינישען נאַציאָנאַלען צוזאַמענפאָר, ווי דאָס איז געטון געוואָרען פאָריאָרען אין חודש אַפּריל. דעם דאָזיגען צוזאַמענפאָר געפינט מען פאַר נויטיג כדי צו מאַכען אַ סך הכל פון די נאַציאָנאַלע כוחות און כדי אָנצונעמען אַלגעמיינע לאָזונגען פאַרן גאַנצען נאַציאָנאַלען פראָנט.

ליפלאַנד און עסטלאַנד.

וועגען די ערקלערונגען פונ'ם רוסישען געזאַנדטען אין בערלין יאָפע מכח עסטלאַנד און ליפלאַנד שרייבט די דייטשע פּרעסע, אַז דער „הער יאָפע געהט“ זעהר ווייט און וויל זיך אַריינמישען אין די אינערליכע ענינים פון די ליפלענדער און עסטלענדער. געגען דעם פּראָטעסטירט די גאַנצע באַפעלקערונג, ווייל לויט'ן ברעסטער שלום-אָבמאַך איז עסטלאַנד און ליפלאַנד מיט רוסלאַנד ניט געבונדען און האָט דאָס רעכט אויף פרייער זעלבשטענדיגער באַשטימונג.

די דייטשען אין אַמעריקע.

אין פילאַדעלפיע איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון פאָרשטעהער פון אַלע דייטשע פאַרבאַנדען אין אַמעריקע (וועלכע נעמען אַרום אַן ערך צוויי מיליאָן מענשען), אויף וועלכען עס איז באַשלאָסען געוואָרען צו פאַנאַנדערלאָזען דעם דייטש-אַמעריקאַנישען נאַציאָנאַלבונד.

אין דער רעזאָלוציע, וואָס איז דערביי אָנגענומען געוואָרען, ווערט ערקלערט, אַז דאָס ווערט געטון כדי צו מיטהעלפען דער רעגירונג אין איר קאַמף און קריג און פאַרשטאַרקען די נויטיגע אחדות אינ'ם אַמעריקאַנישען פאָלק. אַלס טרייע אַמעריקאַנישע בירגער ווילען די דייטשען מיט אַלע מעגליכקייטען העלפען דער אַמעריקאַנער רעגירונג, וועלכע שטעהט אויף דער וואַך פון דער פרייהייט.

אין דייטשלאַנד איז מען דערמיט ניט צופרידען און די פּרעסע ווייזט אָן, אַז ס'איז כלל ניט נויטיג געווען פאַרצונעמען אַזאַ שריט. מען קאָן זיך אָפּגעבען די אייגענע נאַציאָנאַלע אינטערעסען און בלייבען טרייע בירגער פון דער אַמעריקאַנער רעפּובליק.

ענגלאַנד—אַ פעדעראַציע.

פון לאָנדאָן איז מען מודיע, אַז אויף אַ זיצונג פון דער ליבעראַלער פראַקציע אין פּאַרלאַמענט איז באַטראַכט געוואָרען די פראַגע וועגען איינפירען אַ פעדעראַטיווע אָרדנונג אין ענגלאַנד.

איינינע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי האָבען פריהער געהאַט אַ געשפּרעך מיט אַסקוויט'ן, וועלכער איז מסכים מיט'ן פּראָיעקט פון פעדעראַטיווער אָרדנונג.

ליטעראַרישע נייעס.

אין בערלין האָט אָנגעהויבען צו ערשיינען אַ נייער זשורנאַל „דער אידישער ווילען“, דער אָרגאַן פון דער אידישער נאַציאָנאַלער און ציוניסטישער סטודענטענשאַפט. אינ'ם ערשטען העפט געפינען מיר אַרטיקלען פון ד"ר אַרטור פעלין, ד"ר פראַנץ לעווענשטיין, ד"ר שטיין, ד"ר שטערענבערג, רובאַשאָוו, באָדענהיימער א. אַנד.

די רעדאַקטאָרען פונ'ם זשורנאַל זיינען: עריך קאָהן און ד"ר גוסטאַוו קראָיאַנקער.

אין בערלין האָט אָנגעהויבען ערשיינען אַ נייער אידישער זשורנאַל „ירובעל“, וועלכער איז געווידמעט אויסשליסליך דער אידישער יוגענט אין עלטער פון 16 ביז 25 יאָהר, וואָס אינטערעסירט זיך ערנסט מיט די פראַגען פון אידענטום און אידישע אָנגעלעגענהייטען.

דער פאַרלאַג „כנרת“ אין אָדעס לאָזט אַרויס אַ סעריע זאַמעלביכער וועגען פּאַלעסטינע-פראַגען. עס זיינען שוין ערשינען צוויי זאַמעלביכער: „די אידישע פּאַלעסטינע“ און „אַראַבער און פּאַלעסטינע“. אין די ביכער זיינען פאַראַן אַרטיקלען פון: בעל-מחשבות, ביאַליק, זשאַבאָטינסקי, גרוזענבערג, גאָלדבערג, זלאַטאָפּאָלסקי, קלויזנער, אוסישקין, חרמוני און אַסך אַנדערע.

אין לאָדזער פאַרלאַג „בית-עם“ איז ערשינען אַ ציוניסטישער זאַמעלבוך „בלוי-ווייס“ אונטער דער רעדאַקציע פון י. אונגער.

אין ווילנע געהען אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פון ש. ל. ציטראָן העברעאישע זאַמעלביכער „מעת לעת“. אין די זאַמעלביכער געפינען זיך ווערק פון שאַלום, בן-זומא, סופר א. א.

אין האַמבורגער ביכער-פאַרלאַג פון געאָרג קראַמער איז ערשינען אין דער דייטשער איבערזעצונג פון ד"ר עמנואל בוימגאַרטען דער „חובת הלבבות“.

אין בערלין איז ערשינען אויף אידיש אַ זאַמעלבוך „אויף דער שוועל“ אין וועלכען עס באַטייליגען זיך רובאַשאָוו, ד"ר ס. ראָזענפעלד, חאַזאַנאָוויטש א. א.

אין ווין זיינען ערשינען:

„דאָס נאַציאָנאַלע זעלבסטבאַשטימונגסרעכט פון די אידען אין פּוילען“ פון ד"ר מאַקס ראָזענפעלד.

„וועגען מזרח-אידענטום“ פון מ. י. בן-גריאָן (בערדיטשעווסקי).

עס איז ערשינען דער „ווילנער זאַמעלבוך“, אַרויסגעגעבען פון ד"ר ז. שאַבאַד, וועלכער ענטהאַלט אַסך אַרטיקלען פון סאָציאַלע און קולטור-היסטאָרישע ספערען.

אין לעמבערג גיט אַרויס ד"ר קליינמאַן צוזאַמען מיט ד"ר רייך דעם „אידישען פאָלקס-קאַלענדער“, וואָס ענטהאַלט אַ רייכען פּאָליטיש-ווירטשאַפטליכען מאַטעריאַל פון אידישען לעבען אין גאַליציען, ווי אויך אַ גרויסען ליטעראַרישען טייל.

אין כערסאָנער מלוכה-ארכיון האָט מען איצט אויסגעפונען וויכטיגע כתבים און בריף, וועלכע שטאַמען פון בעל-שם און זיינען געווען דאָס אייגענטום פונ'ם רוזשינער רבי'ן. די בריף שטאַמען פון יענער צייט, ווען דער רוזשינער איז דורך דער רוסישער רעגירונג גענומען געוואָרען אין תפיסה. ווען מען האָט ביי אים געמאַכט רעוויזיעס און צוגענומען אַלע כתבים און בריף, מיינענדיג, אַז אין זיי וועט מען געפינען אַ באַווייז אויף זיינע חטאים, פאַר וועלכע מען האָט אים געמסר'ט. די דאָזיגע אונשולדיגע כתבים און בריף זיינען, נאָכדעם ווי דער דאָזיגער רבי איז אַנטלאָפען פון תפיסה, איבערגעגעבען געוואָרען אין מלוכה-ארכיון פון כערסאָן, וואו זיי זיינען דורך דער איצטיגער רעגירונג געפונען געוואָרען. אַ גרויסער אידישער עושר פון קרעמענטשוג האָט זיך דערפון דערוואוסט און האָט זיי אָבגעקויפט, כדי צו פאַרשטענדיגען די רביים פונ'ם רוזשינער'ס משפחה וועגען דעם דאָזיגען פקדון, האָט ער געלאָזט מאַכען פון זיי קאָפּיעס און זיי איבערגעשיקט דעם טשאָרטקאָווער רבי'ן קיין ווין. דער טשאָרטקאָווער האָט אַלע מיטגלידער פון דער משפחה געגעבען איינצעלנע כתבים דורכצוזעהען און האָט געפינען זיך

איינצעלנע קאפּיטלען ביים הוסיאטינער, סאדאגורער, באיאַנער און אנדערע רביים.

צווישען די כתבים געפינט זיך א כתב־יד פונ׳ם בעל־שם צו זיין שוואָגער רבי גרשון קיטאָווער „פיר טעג פאר זיין התגלות, א כתב־יד פונ׳ם בעל־שם קיין מעזיריטש און פונ׳ם מעזעריטשער מגיד צום בעל־שם, דאן אלערליי בריוו נאך דער התגלות פונ׳ם בעל־שם, ווי אויך די צוואה פונ׳ם מעזעריטשער מגיד, וואס ער לאָזט איבער פאר זיין זוהן מלאך.

א 70־יעריגער יובילעאום.

דער בערלינער פּראָפעסאָר הערמאַן שטראַק, דער בעסטער קריסטליכער קענער פון דער אלטער אידישער ליטעראטור, האָט די טעג געפייערט זיין 70־יעריגען געבורטס־טאָג.

ביאַליק און די נאָבעל־פּרעמיע.

דאָס „לעמבערגער טאגבלאט" מאכט א פארשלאג צו באקענען זיך נעהענטער מיט דער העברעאישער ליטעראטור, וואו עס זיינען פאראן אזעלכע גרויסע דיכטער, ווי ביאַליק, וועלכער קען זיך פארגלייכען מיט די דיכטער און שריפטשטעלער, וואס האבען באקומען די נאָבעל־פּרעמיע פון דער שוועדישער אקאדעמיע.

דער דאָזיגער פארשלאג פונ׳ם „לעמב. טאגבלאט" איז ערשיינען גלייכצייטיג מיט׳ן פארעפענטליכען פון ניי־העברעאישע דיכטונגען אין שוועדישער איבערזעצונג אין דעם אָנגעזעהענעם סטאָקהאָלמער זשורנאל „וואָרט און בילד", וועלכער שוועדישער רבי־הכולל ד״ר עהרענפּרייז האָט צוזאמען מיט׳ן שוועדישען דיכטער ראגנאר יאָזעפסאָן פארעפענטליכט אינ׳ם אפּריל־העפט אויף שוועדיש דיכטונגען פון ח. נ. ביאַליק, דוד פרישמאַן און זלמן שניאור.

ד״ר עהרענפּרייז און ראגנאר יאָזעפסאָן ארבייטען איצט איבער׳ן ארויסגעבען א גרעסער ווערק וועגען דער ניי־העברעאישער ליריק, וואָס וועט ערשיינען אין סוף היינטיגען יאָר.

רעדאַקטאָר **מ. גראָסמאַן.**

אַרויסגעבער **י. כהנ׳אָוו.**

מיט צער און טרויער מעלדעט דער ציטאָמירער קיעווער קאָמיטעט פון „מכבי" וועגען דעם פריהצייטיגען פּלוצלינגען טויט פונ׳ם פאָרזיצער פון „מכבי"

יעקב גראנאווסקי.

געשטאָרבען אין אדעס דעם 19־טען יוני.

דער סלאָוועשנער ציוניסטישער קאָמיטעט

ווינשט מזל טוב

יהודה־לייב שליפמאן

צו זיין האָכצייט מיט

שרה ווארעלמאן.

קאלושין (וואַרש. גוב.)

יהודה מאיר פינקעלשטיין זוכט זיין מוטער שיינדל פינקעלשטיין פון קאלושין אויך שוועסטער און ברידער פון ערשטען טאג פון מלחמה האָב איך פון זיי קיין שום ידיעה נישט געהאט, און איך ווייס ניט וואו זיי געפינען זיך איצט, איך בעט אלעמען וועלכער עס ווייסט פון זיי איבערגעבען מיין גרוס, מיין אדרעס: קיעוו, יאראָסלאווסקע גאס נומ. 17 קוו. 04. איך בעט אלע אידישע צייטונגען פון איבער דרוקען דעם אנאנס.

ההסתדרות הציונית דסרנה מביעה את תודתה הרבה לחברה

ליבה טשערניאק

בעד עבודתה הרבה, שהביאה להסתדרות בעבודתה הפוריה על הבמה התיאטראלית ונוטעת ע״ שמה שני עצים ביער הרצל.

לחג התונתם של חברינו החביבים

אברהם פיקמאן

שרה זשולטאק.

אנחנו נוטעים על שמם עשרה עצים ביער הרצל.

אגודת צ׳ונים דסרנה.

מורה מומחה ומנוסה בהוראת השפה העברית וספרותה החדשה, העתיקה ושל ימי הבנים מבקש לו שעות הוראה. לפנות:

Львовская 29 кв. 2, спр. Тененбаума.

צו אלע קהלה־דראַטען!

פונ׳ם הויפּט וואהל־ביוראָ אויף דורכפירען די וואלען אין דער ציטומירער אידישער נאציאנאלער פארזאמלונג.

אויפ׳ן גרונט פונ׳ם באשלוס פון דעם ציטאָמירער אידישען נאציאָנאל־ראט האָט דאָס הויפּט וואהל־ביוראָ, וואָס איז אויסגעוועהלט געוואָרען צונעטראָטען צו דער צוגרייטונג פון די וואהלען אין דער ציטומירער אידישער נאַציאָנאלער פאַרזאמלונג.

אנטייל נעמען אין די וואהלען קענען די ראַטמענער פון יענע קהלות, אין וועלכע ס׳וועלען פארענדיגט ווערען די קהלה־וואהלען ביז צו דער צייט פון די וואהלען אין דער ציטומירער אידישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג וועלען זיי ניט נע׳פסל׳ט ווערען דורך דער אדמיניסטראַטיווער קאָמיסיע ביים אידישען מיניסטעריום.

יענע קהלות, אין וועלכע די וואהלען זיינען נאך ניט פאָרגעקומען ביז איצט און וואָס ווילען ניט פארלירען זייער רעכט צו באטייליגען זיך אין די וואהלען צו דער ציטומירער אידישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, ווערען אויפגעפאָדערט אין דער נאָהענסטער צייט ביי זיך די וואהלען דורכפיהרען און תיכף די געשעפטפיהרונג צושיקען אין אידישען מיניסטעריום.

דער פאָרזיצער פון יעדער קהלה־ראַט איז מחויב גלייך בילדען איין אָרטיגע וואהל־קאָמיסיע לויט׳ן פאַר. 3 פון די תקנות און מודיע זיין דעם הויפּט־וואהל־ביוראָ איר באשטאנד און אדרעס.

דער לעצטער טערמין אויף אָנגעבען די קאַנדידאַטען־צעטלען איז דער 29 יוני.

דער טערמין פון די וואהלען וועט באשטימט ווערען פונ׳ם נאַציאָנאַל־ראַט און תיכף פאַרעפענטליכט ווערען.

כדי דאָס הויפּט וואהל־ביוראָ זאָל האָבען די מעגליכקייט קאָנטראָלירען, וועלכע קהלות האָבען דאָס רעכט אנטייל צו נעמען אין די וואהלען, ד. ה. וואו זיינען פאָרגעקומען די וואהלען, פאָדערט אויף דאָס הויפּט־וואהל־ביוראָ אלע קהלות דרינגענד צושיקען אין דער אדמיניסטראַטיווער קאָמיסיע פונ׳ם אידישען מיניסטעריום די געשעפטס־פירונג פון די וואהלען.

דערביי פאַרעפענטליכט דאָס הויפּט־וואהל־ביוראָ די רשימה פון די ערטער, וואו די קהלה־וואלען זיינען שוין פאָרגעקומען:

אדעס, אווּרוטש וואלינ. גוב., אומאן קיעווער גוב., איזיאסלאוו וואלינ. גוב., איסקאראסט וואלינ. גוב., אחאטניקאוו וואלינ. גוב., אלט־קאנסטאנטינאוו וואלינ. גוב., אלט־סיניאווע פאד. גוב. אלעווסק וואלינ. גוב., אלעקסאנדראווסק יעקאט. גוב., אסור ניזשנע־דנעפּראווסק יעקאט. גוב., אסטיאר טשערניגאוו. גוב. אסטראג וואלינ. גוב., באהוסלאוו קיעווער גוב., באר פאד. גוב. באריספאל פאלט. גוב., בארעדיאנקע קיעווער גוב. בארא[illegible]ווקע ו אל. גוב., בערדיטשעוו יעווער גוב. בעלילאווקע (קיעווער), בערדיאנסק (טאור.), בערעזנא (וואל.), בערשאד (פאד.), כעלאצערקאוו (קיעוו.), בראילאוו (פאד.), גלו אוו (טשערניג.), גראפילאווא (כערס.), דובנא (וואלינ.), דע־אזשנע (פאד.) דעמיעווקע (קיעוו.) הארנאסטייפאל (קיעוו.) הייסין (פאד.) וואסילקאוו (קיעוו.) וויניצע (פאד.) וולאדימירעץ (וואלינ.) ווערכנעדנעפּראווסק (יעקאט.) זאלאטאנאשע (פאלטאוו.) זדאלבונאווא (וואלינ.) זוועניגאראדקע (קיעוו.) זשיטאמיר (וואלינ.) זשאשקאוו (קיעוו.) זשמערינקע (פאד.) זשאב קריטש (פאד.) כאדארקאוו (קיעוו.) ערסאן, טא־אשפאל (פאד.) טולטשין (וואל.) טעאפיפאל (וואל.) טעטיעוו (קיעוו.) טעפליק (פאד.) טשאפעוועץ (קיעוו.) טשיגירין (קיעוו.) טשארני־אסטראוו (פאד.) טשודנאוו (וואל.) טשערניגאוו, טשע שעלניק, טשערנעווצי, יאמפאל און יאלטושקאוו (פאד.) יעקאטערינאסלאוו, יעקאטערינאפאל (קיעוו.), לובני (פאלט.), לוגאנסק (יעקאט.) לוקאשאווקע (קיעוו.) ליטין (פאד.) ליובאר (וואל.) לעטיטשעוו (פאד.) ליפאוועץ (קיעוו.) מאגילעוו־פאד., מוראוו, קור־לאווצי (פאד.) מירגאראד (פאלט.) מיראפאל (וואל.) מיאסטקאווקע (פאד.) מעדזשיבאזש (פאד.) מעזשירוטש (וואל.) נאוואגראד־וואלינסק, נייע־אוקראינקע (כערס.) ניקאפאל (יעקאט.) סמעלא (קיעוו.) סלאוואוטע (וואל.) סטאווישטשע (קיעוו.) סלאווטשנא (וואל.) סקווירע (קיעוו.) פאסטאוו. (קיעוו.) פאלאנע (וואל.) פאוואלאטש (קיעוו.) פאגרעבישטשע (קיעוו.) פיראטין (פאלט.), פ־אסקוראוו (פאד.) פרילוקי (פאלט.) קאנעוו (קיעוו.) קאמענעץ־פאד., קאדלוביצער קאלאניע (קיעוו.) קאנאטאפ (טשערניגאוו.) קארעץ (וואל.) קולמשין (וואל.) קובליטש (פאד.) קריוקאוו (פאלט.) קרעמענעץ (וואל.) קרעמענטשוג (פאלט.) ראדאָמיסל (קיעוו.) ראזשעוו (קיעוו.) ראמני (פאלט.) ראוונא (וואל.) רגושין און ראקיטנא (קיעוו.) ש־יקאוו (פאד.) שעפעטאווקע (וואל.).

דאס הויפּט וואהל־ביוראָ.

ס'איז ערשינען דער ערשטער נומער פון גרויסען פעריאדישען
הומאריסטיש-סאטירישען זשורנאל
„דער אשמדאי"
רעדאקטירט פון טינקעלען.
מיט זעהר רייכען אינהאלט אויף פארשידענע פאליטישע און געזעלשאפטליכע טעמען. אסך קינסטלערישע בילדער, קאריקאטורען און שארזשען.
אינ'ם זשורנאל נעמען אנטייל די בעסטע אידישע ליטעראטען-הומאריסטען און סאטיריקער.
צו באקומען ביי אלע צייטונגס-פארקויפער, אין אלע בוכהאנדלונגען און אויף אלע וואקזאלען.
ארויסגעבער: בוכהאנדלונג מ. נאדלפאן, קיעוו.

פארלאג „ירדן"
ס'איז ארויס פון דרוק
לידער פון פלשתינ'ער קאלאניסטען.
אויף פאסט-קארטען (נאטען און טעקסט):
1. שם בארץ, 2. ארץ מולדת, 3. באי הנה ילדתי... 4. נעלה לארצנו..
פרייז 40 קאפ. א שטיק. די וועלכע שרייבען אויס נים ווייניגער פון 50 שטיק באקומען 10% ראבאט. ס'ווערט ארויסגעשיקט פער נאכנאהמע נעגען 50% האנדגעלד.
אדרעס פאר בריף: Изд. „Ярденъ", Кіевъ, М.-Васильковкая 30 кв. 5.
פאר געלד: Кіевъ. М.-Васильковская 30 кв. 5, I. Л. Фридману.

ההסתדרות הציונית בעיר קונסטנטין ישן מביעה את צערה ויגונה על מות אחד מחבריה

ר' אברהם ווינער

תהיה נשמתו צרורה בצרור החיים.

בלב מלא צער ואנחה אנחנו מבכים את האסון הגדול אשר קרנו בכות עלינו ראש משפחתינו נזר תפארתנו

הר' אברהם אבא בר' יודא דוד ז"ל ליבערזאן.

ביום ו' עש"ק ד' ימים בחודש תמוז ה'תרעה' לפ"ק. המתאבלים עליו אשתו, בניו ובנותיו, חתניו וכלותיו, נכדיו ונכדותיו.

לזכרון שמו אנחנו נוטעים שלשה אילנות ביער הרצל.

למלאת שנתים לפטירת

ה"ר יוסף בר' אברהם דוב רוטבלט ז"ל

שנפטלק במושבה הארצי ישראלית— תבר בוי תמוז א'ת'ת'ט'ז לגלותנו מפקדי בנו דוד בנטיעת שני עצים ביער הרצל.

וויזמיר קפידרני 42. הנצבה.

הפרקציה הציונית של ועד בעיר קונסטנטין ישן מביעה את צערה ויגונה על מות חבר ועד הקהלה בעיר קונסטנטין ישן

ר' אברהם ווינער.

דרוקערי „התחיה" גרויס וואסילקאווסקאיא 42

אויף דער וואך

ארגאן פון ציוניסטישען געדאנק

„ДЕРЪ ТЕЛЕГРАФЪ“
„ОЙФЪ ДЕРЪ ВАХЪ“
КІЕВЪ,
Б.-Васильковская 72.

ערשיינט וועכענטליך.
№ 9.

פרייז 85 קאפ.
אויף די וואקזאלען 90 ק.
דער פרייז פאר מודעות: א שורה—75 ק.
די רעדאקציע איז אפען פון 11 ביז 1.

פרייטאג, 12 יולי 1918 קיעוו. ג׳ אב, התרע״ה.

אינהאלט:

מ. נ. סירקין: פאלקס-הערשאפט אדער פארטיי-הערשאפט; י. שעכטמאן: די קאמפעטענץ פון דער צייטווייליגער נאציאנאלער פארזאמלונג; מ. ג.: א קורצער סך-הכל; ערב דער צייטווייליגער נאציאנאלער פארזאמלונג: א) די ציוניסטישע פלאטפארם; ב) דער קאנדידאטען-צעטל פון דער ציונ. ארגאניזאציע; ג) דער צעטל פון די צעירי ציון ד) ידיעות וועגען פאר-פארלאמענט; מ. שיינים: צו דער שיל-פראגע; ל. אלין: פון דער פינסטערער פארגאנגענהייט; דער קריזיס פון דער אידישער אווטאנאמיע; דאס אידישע לעבען אויף אוקראינע; אין די נייע קהלות; ארץ-ישראל; די ציוניסטישע באוועגונג אין דער אידישער וועלט; ליטעראַרישע נייעס.

די וואהלען צו דער צייטווייליגער נאציאנאלער פארזאמלונג וועלען פארקומען דעם 21, 22 און 23 יולי.

פאלקס-הערשאפט אדער פארטיי-הערשאפט.

איצט שטעהען צוויי גלייכע פיינדליכע מחנות איינע אקעגען דער אנדערער: 30 קעגען 30. פארביסענע, פארביטערטע, פול מיט כעס און האס, אמפערט מען זיך וועגען פארמעלע פראגען, וועגען פארמען פון אבשטימונג; און אין דעם גרויסען טומעל פון פארמעלע וכוחים, קליינינקייטען און פרטים ווערט אבגעשוואכט די שארפקייט פון די פרינציפיעלע חלוקי-דעות. צוליב דער מאסע ביימער זעהט מען ניט ארויס דעם וואלד און צוליב טויזענטער פרטים ווערט פארלוירען דאס גאנצע, און ניט נאר מענשען מן הצד, אפילו נאהענטע פריינד פארשטעהען אפטמאל ניט וואס קומט דארט פאר, אין דעם משונה'דיגען אינסטיטוט, וואס רופט זיך נאציאנאל-ראט, צוליב וואס אייגענטליך האבען זיך פאנאנדערגעפלאקערט אזוינע ברענענדיגע מחלוקה? למה רגשו... יהודים?

קוקט מען זיך אבער צו מיט א טיפען בליק צו דעם, וואס קומט פאר אין נאציאנאל-ראט, זעהט מען באלד, ווי פון דעם תהו-ובהו, פון די קליינטשיקע פרטים שווימט ארויס איין פרינציפיעלער אונטערשיד, א נפקא מינה לדינא; אין דעם תוך פון אלע קליינינקע צוזאמענשטויסען און כתירות ליגט איין גרויסער געדאנק, צוויי פארשידענע כחות פירען דא א פארביטערטע און שטארקע מלחמה, און דער קאמף הייסט:

דער קאמף פאר דער פאלקס-הערשאפט געגען דער פארטיי-הערשאפט, דער קאמף פון דער דעמאקראטיע געגען דער אליגארכיע; געגען דער הערשאפט פון א קלייזעל איינצעלנע מענשען ווערט ארויסגעשטעלט דער פרינציפ פון דער העגעמאניע פונ'ם פאלק.

לאמיר דעם געדאנק ברייטער ערקלערען. מיר האבען זיך שוין אזוי פארטומעלט, אז א סך האבען אויפגעהערט צו פארשטעהען דעם איינפאכען פשט. פון „יענער זייט" האט מען אונז שוין אזוי פיל מאל געזידעלט און באשולדיגט אין רעאקציע, אז די שוואכערע פון אונז האבען שוין אליין אנגעהויבען צו גלייבען, אז אין יענעם „קרוב-למלכות-קלייזעל" — איז דעמאקראטיע און ביי אונז אפשר א נייגונג צו רעאקציע. מיט'ן קאפ אראב און מיט די פיס ארויף.

אין דער געשיכטע פון געזעלשאפטליכע באוועגונגען, וואס ברענגען צו גרויסע פאליטישע און

סאָציאַל=עקאָנאָמישע ענדערונגען זײַנען דאָ צווייערלײַ ערשײַנונגען: רעוואָלוציע און בונט (מרידה). די ערשטע איז—רעכט, דאָס צווייטע—אומרעכט. און וואָס דערקענט מען דעם אונטערשיד? נאָר אײַנפאַך: דער אויפשטאַנד פון גאַנצען פאָלק קעגען אַ טײַל—איז רעוואָלוציע, דער אָנגריף פון טײַל קעגען דעם גאַנצען—איז בונט. עס ווענט זיך ווער עס וואוינט אין די „טוילעריען": דער קעניג אָדער דער קאָנווענט. וואוינט דאָרט דער קעניג—איז דער אויפשטאַנד רעוואָלוציע, וואוינט דאָרט די פאָלקס=פאַרטרעטונג, איז דאָס ניט מער ווי אַ מרידה, אַ בונט. דאָס, וואָס איז באַשאַפען געוואָרען דורכ'ן פאָלקס=ווילען טאָר ניט און קען ניט בטל ווערען דורך דער גאָס אָדער, נאָך ווענינער, דורך פּאָליטישע קלײַזלאַך.

יעדע אמת'ע רעוואָלוציע, ד. ה. דער אויפשטאַנד פונ'ם גאַנצען קעגען דעם באַדריקענדען טײַל, פירט שטענדיג צו פּראָגרעס, צו דעם נצחון פון די דעמאָקראַטישע פּרינציפּען; פאַרקערט—יעדע מרידה—צו באַדריקונג, אומרעכט און שמוץ. אַ בונט איז מאַזאַניעללאָ, אַ רעוואָלוציע—ספּאַרטאַק. פּאַריז, וואָס צושטערט די באַסטיליע איז אַ רעוואָלוציע, וואַנדעע—אַ גרויסער קאַטוילישער בונט. די שטײַנער אין מויערן, וועלכע ווערען צושטערט דורך דער רעוואָלוציע, שפּריצען איבער פונקען פון פּראָגרעס; די אײגענע שטײַנער לאָזען אָבער איבער נאָר שמוץ און בלאָטע בשעת אַ מרידה. דאַנטאָן, וואָס שיט פּעך אין שוועבעל קעגען לידוויק דעם זעכצענטען—דאָס איז רעוואָלוציע; העבער, וואָס באַשמוצט דאַנטאָנען—דאָס איז אַ בונט.

און דעריבער איז קלאָר, אַז אויב ס'איז אמת, ווי עס האָט געזאָגט לאַפּאַיעט, אַז די רעוואָלוציע איז דער הייליגסטער בירגער=חוב, איז אָבער די מרידה שענדליך און שעדליך.

די פאָלקס אבשטימונג, דער פאָלקס=ווילען דאָס איז דער גרעסטער נצחון פון דער נײַסטער צײַט. די גאַנצע עפּאָכע פון די פריהערדיגע צײַטען כמעט פיר טויזענט יאָר איז אַ יאָמער=געשיכטע פון מענשליכע פּײַן און לײַדען, פון אומגערעכטיגקײַט און יסורים. יעדע היסטאָרישע עפּאָכע האָט געבראַכט מיט זיך די פראַגע פון פּראָטעסט קעגען די סאָציאַלע עולות, וועלכע זײַנען געווען פאַר איר מעגליך: צו די צײַטען פון די רוימישע קיסרים איז ניט געווען קײַן רעוואָלוציע, דערפאַר אָבער איז געווען—יובענאַל.

יעדע מרידה, וואָס האָט בדעה אָבצושוואַכען די אידעע פון דער פאָלקס=אבשטימונג און דעם פּרינציפּ פון פאָלקס=הערשאַפט, איז אַ פאַרברעכערישע רעאַקציאָנערע אידעע. זי איז אַ שריט צוריק, צו דער פינסטערניש פון אַבסאָלוטיזם, און קײַן שום צוועק קען דעם ראַזינען פאַרברעכען ניט כשר מאַכען. אפילו ווען די ראַזינע מרידה קומט פאָר אין דעם נאָמען פון אַ פּראָגרעסיווען קלאַס, אפילו דאַמאָלס איז אַזאַ פאַרזוך צו פאַרבײַטען דאָס פאָלקס=ווילען דורך דעם רצון פון אַ פּאַרטײַ,—זאָל זײַן די שענסטע און די בעסטע,—דער פאַרלאַנג צו פאַרבײַטען די פאָלקס=הערשאַפט דורך אָליגאַרכיע—אַ שענדליכער פאַרברעכען קעגען דעם פאָלק, אַ בגידה, אַ פאַרראַט בנוגע צו זײַנע לעבענס=אינטערעסען, און די וואָס טוען עס, זײַנען—ווילענדיג ניט ווילענדיג—פאָלקס=פאַררעטער, ניט רעוואָלוציאָנערען נאָר קאָנטר=רעוואָלוציאָנערען, ווײַל זיי ווילען מבטל מאַכען די שענסטע ירושה פון דער רעוואָלוציע, דעם פּרינציפּ פון פאָלקס=הערשאַפט.

אָט דאָס איז דער תהום, וואָס טײַלט אָב די בײַדע מחנות אין נאַציאָנאַל-ראַט. די פאָרמאַלע וכּוחים, די פּרטים-מחלוקת'ן זײַנען בלויז בלעזלאַך, וואָס שווימען פון אייבען. טיפער ליגט אָבער אַן אָבגרונד, איבער וועלכען ס'איז אונמעגליך איבערצוּוואַרפען אַ בריק.

ציוניסטען און דער פּראָגרעסיווער טײַל פון דער אידישער בעל-הבתישקײַט, וואָס גרופּירט זיך אַרום זיי, וויל און וועט בשום אופן ניט דערלאָזען די אַבסאָלוטישע הערשאַפט פון אײן פּאָליטישען פּריגעל, פון אײן גרופּע צופעליגע מענשען, וואָס ווילען פאַרבײַטען דעם פאָלקס=ווילען דורך זײער פּאַרטײ-ווילען. וויל און וועט ניט דערלאָזען, אַז אַ הייפעלע מענשען זאָל איבער דער גאַנצער אומה אַרויפוואַרפען דעם יאָך פון זײער פּאַרטײ-פּראָגראַם און דערמיט פאַרבײַטען דעם נאַציאָנאַלען „אני-מאמין", זיי שטעהען אויף דעם יסוד פון דער רעוואָלוציע, וואָס איז פאָרגעקומען אינ'ם גאַנצען לאַנד און אויך אין אידישען פאָלק: ניטאָ מער קײַן אײנצעלנע תקיפים, שתדלנים, שפּײַזער און וועג-ווײַזער, ס'זײַנען דאָ אַלגעמײַנע וואַהלען, דער אויסדרוק פון דעם פאָלקס=ווילען, און וועמען דאָס פאָלק האָט געקליבען, דער מוז און קען פאַרטרעטען אַלע פאָלקס=באַדערפענישען.

פון דער אַנדערער זײַט—אויף דער „לינקער", [illegible], ברוך השם, איז דאָך אַלץ קאַפּויר)—שטעהען [illegible] מענשען, וואָס טענה'ן:

— אמת, [illegible] די מערצאָל פון פאָלק איז אויף אײער זײַט, אָבער דאָס פאָלק איז רעאַקציאָנער [illegible] ער קלײַבט. דאָס פאָלק איז פינסטער [illegible] אים קלאָר מאַכען. און

[illegible] מען דאַרפען בשעת הדחק „מעג מען זײַן באָלשעוויקעס אויך"*)

און מיט אַלע מיטלען, כשר'ע און אומגערעכטע, האַלט די קלײַנינקע גרופּעלע פון די סאָציאַליסטישע תקיפים די בולאַווע איבער'ן קאָפּ פון אידישען פאָלק.

עס געהט אין אידישען לעבען אַ ברענענדיגער הייסער קאַמף צי מעגען משומדים, פאָלקס-דעזערטירען אויפגענומען ווערען אין די אידישע קהלות, קומען די כלומרשט-לינקע פּאַרטײען אין דער אוקראַאינישער ראַדע און מיט די שטימען פון פּאַריש און טקאַטשענקאָ, קאָוואַלעווסקי און סיוואַשאַפּקאַ באַשטימען זיי, אַז משומדים מעגען יאָ אַרײַן אין די קהלות, אדרבה ואדרבה, און מען שעפּט נחת, וואָס די רעאַקציאָנערע ציוניסטען האָבען געהאַט אַ מפּלה.

ברענט אין אידישען לעבען אַ שטורעמדיגער קולטור-קאַמף: וועלכע דאַרף זײַן די למוד-שפּראַך אין אַ שול, אין אַ פאָלקס-סעמינאַר: די העברעאישע אָדער די אידישע. און די רעאַקציאָנערע ציוניסטען, פאָדערן אַז די דאָזיגע פראַגע זאָל איבערגעגעבען ווערען אויף דעם באַשלוס פון אַ אידישען צוזאַמענפאָר,—קומען די ראַדיקאַלע פּאַרטײען אין ראַדע און דער אוקראַאינעץ קושניר פּסקנ'ט די האַרבע שאלה.

ליבליך-פרידליך האָבען זיך די פריהערדיגע שונאים פאַראײניגט, ברידערליך צוטײלט צווישען זיך די ירושה פון דער ראַדע: די „פאַראײניגטע" האָבען זיך צוגענומען די „הייכע פּאָליטיק", די „פּועלי-ציון"—די זעלבסטפאַרוואַלטונג, די קהלה; דער „בונד"—אַלע שולען. סמראַשון—דער דירעקטאָר, קאַנטאָר—דער פאַרוואַלטער, סלוצקי—דער שריפט-פירער און—די רויטע נאָהאַיקע פײַפּט...

באַשליסען עלטערן-קאָמיטעטען, אַז אין אידישע גימנאַזיעס, וואו זײערע קינדער לערנען זיך, זאָל העברעאיש פאַרנעמען אַזאַ און אַזאַ אָרט—גיט מען דער גימנאַזיע ניט קײַן „פּראַוועס" (קײַן רעכט) נאָר ווי אין די צײַטען פון קאַסאָ.

קומען דירעקטאָרען פון גימנאַזיעס און בעטען לעגאַליזירען זײערע גימנאַזיעס, פאָדערט מען פון זיי אין דעם בונדישען סנהדרין אַ כּתב, אַז זיי וועלען תיכף ומיד אײַנפירען אַלס למוד-שפּראַך נאָר אידיש.

בעטען זיך די דירעקטאָרען:

— לאָזט אונז דערפירען ביז צום יאָר און דערנאָך זאָל זײַן ווי דער אידישער צוזאַמענפאָר וועט באַשליסען.

ענטפערט זיי דער אידישער מלך פון השכלה:

— נײן, מיר וועלען אײַנפירען אונזער פּראָגראַם ניט נאָר מיט אַ שטאַרקער האַנד, נאָר אויך מיט אַ אײַזערנער האַנד..

נאָר ווי דער שמאַלינגער גענץ פאָן בערליכינגען. עס קלינגט זעהר ראָמאַנטיש, „די אײַזערנע האַנד". אונזערע ראַדיקאַלען פאַרגעסען אָבער, אַז די אײַזערנע האַנד האָט געהערט אַ מיטעלאַלטערליכען רויבער, וועלכער האָט געראַבעוועט אויף די גרויסע וועגען...

* * *

אַזוי האָט מען געפירט דעם רעדעל די גאַנצע צײַט, כל זמן ס'האָט געלעבט די ראַדע, און וועלכער אפילו דער שוואַרץ-מאה'דיגער סאַמאָסטיניק לוצענקאָ און דער מטורף'דיגער סטעפּאַנענקאָ זײַנען געווען סאָציאַליסטען. און אונזערע סאָציאַליסטען האָבען קײן מאָל ניט דערלאָזען קײן אײנהײטליכע אידישע אַרויסטרעטונג אין דער ראַדע, אפילו דאַמאָלס, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען די ברענענדסטע אידישע לעבענס-פראַגען, למשל, בײַם פערטען אוניווערסאַל, בײַ דער אַנעקסיע פון בעסאַראַביע און בײַ דער פראַגע פון בריסקער שלום. שטענדיג צושפּאַלטען אויף אײנציגע קלײנע קלײַזלאַך מיט קרעמערישע פּאַרטײ-אינטערעסען, מיט ישיבה-בחורישע פּאָליטיקאַנישע קונץ-שטיק, — האָבען די כלומרשט „לינקע" אידישע גרופּען אין דער ראַדע שטענדיג ווי אין אַ קרומען שפּיגעל נאָך פאַרשאַרפט און פאַרגרעסערט די אידישע צושפּאַלטענקײַט, די פּאַרטײ-רײַסעניש און בײַסעניש—קײן מאָל ניט געזוכט קײן שטיצע אין די אידישע מאַסען, פאַרלאַכט און פאַרשפּאָט דעם אידישען מיטעל-שטאַנד: „קרעמער, הענדלער, מעקלערס, בעלי-מלאכית;" אפילו סטודענטען און סאָלדאַטען געקרוינט מיט'ן נאָמען „זוברעס"; דערפאַר אָבער שטענדיג אַרומגעחנפ'ט און אַרומגעטאַנצט די אוקראַאינישע מלוכה-פּאַרטײען, כדי אַלײן צו ווערען אַ קרוב למלכות. און ווי נאָר מען איז געוואָרען אַ קרוב למלכות, האָט מען אָנגעהויבען פירען די מלוכה אַזוי ביר חוקה, אַז אפילו סטאָליפּין איז געווען אַ צדיק. אַלץ אַרונטערגעבויגען אונטער דעם שרביט-הזהב פון דעם „אַלײן-באַשטימטען" און אַלײן געזאַלבטען אידישען מיניסטער, דערדריקט און דערשטיקט יעדען סימן פון געזעלשאַפטליכער איניציאַטיווע. נישקשה: אַלץ וועט שוין שאַפען די קאַנצעלאַריע, די ביוראָקראַטישע מאַשין, אונטערגעשאָגען מיט רויטע אונטערשלאַק.

און ווען ס'איז געקומען די טרויעריגע צײַט און ס'האָט זיך אַרײַנגעריסען די רעאַקציע: די ראַדע צעטריבען, די נאַציאָנאַלע מיניסטאָרען אָבגעשאַפט און די גאַנצע אוטאָנאָמיע איז געשטאַנען אין סכנה,

---

*) פון ה' ליטוואַקאָוו'ס אַ רעדע אין דער קלײנער ראַדע.

נאָר איין טרייסט איז דאָ: אין גיכען וועט זיך אפשר פאָרט צונויפקומען דער צוזאַמענפאָר פון אידישע קהלות, די אמת דעמאָקראַטישע אידישע פאַרטרעטונג, זי וועט פאַרטרייבען די טרויעריגע שאָטענס פון דער אידישער קאָנטר-רעוואָלוציע, וואָס רופט זיך על פי טעות סאָציאַליסטען-פּאַרטייען, זי וועט רופען צו דער ארבייט נישט פאָלקס-פּאַרטייער, נאָר פאָלקס-פאָרטרעטער, וואָס זאָלען זיך בויגען פאַר'ן ווילען פון אידישען פאָלק.

מ. נ. סירקין.

די קאַמפּעטענץ פון דער צייטווייליגער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג.

I.

דורך אַ מעכטיגען שטוים האָט די רעוואָלוציע חרוב געמאַכט דעם אַלטען לעבענס-שטייגער פון די פעלקער אין רוסלאַנד.

באַפרייט פון דער לאַנגיאָריגער קנעכטשאַפט, האָבען זיי זיך גענומען פאַרענטפערען די פראַגען פון זייער נאַציאָנאַלען בויען, וואָס זיינען שוין לאַנג געוואָרען רייף. דער ערשטער שריט אויף דעם דאָזיגען וועג איז פאַר יעדער נאַציאָן געווען דאָס צונויפרופען פון אַ נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אָדער פון אַ וואָסער-ניט-איז סוראָגאַט אנשטאָט איר. שוין אין די ערשטע חדשים פון דער רעוואָלוציע זיינען פאָרגעקומען אַ רייהע נאַציאָנאַלע צוזאַמענפאָרען, און צום סוף פונ'ם ערשטען יאָר איז שוין כמעט ניט געווען קיין איין נאַציאָנאַליטעט אויפ'ן גאַנצען גרויסען שטח „פון די קאַלטע פינישע פעלזען ביז דער פלאַמענדער קאָלחידע", וואָס זאָל ניט האָבען געשאַפען די אָדער יענע פאָרם פון נאַציאָנאַלער פאָרשטעהערשאַפט. נישט נאָר די גרעסטע און קולטורעלסטע נאַציאָנען, נאָר אפילו די ביז איצט „ניט-היסטאָרישע", קליינע אין צאָל און ווייניג קולטורעלע פעלקער, ווי די בוריאַטען און קירגיזען, טשערעמיסען און אַבחאַזצעס האָבען געשאַפען פאַר זיך אָרגאַנען פון נאַציאָנאַלער פאָרשטעהערשאַפט, וועלכע האָבען מיט אויטאָריטעט אָנגעפירט מיט דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק און מיט די פראַגען פון נאַציאָנאַלען בויען.

עס האָט זיך אָנגעהויבען דאָס צווייטע יאָר פון דער רעוואָלוציע, און עד היום בלייבט דאָס אידישע פאָלק—דאָס איינציגע פון אַלע פעלקער אין דעם געוועזענעם רוסלאַנד נאָך אַלין אָהן אַן אויטאָריטעטער נאַציאָנאַלער פאָרטרעטערשאַפט. די אַלע פופצען חדשים פון דער רעוואָלוציע, וואָס זיינען געווען אַזוי רייך אין געשעהענישען און מעגליכקייטען, האָט דאָס אידענטום דורכגעמאַכט אָהן אַן אייגהייטליכער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, וואָס זאָל אָנגעפירט ווערען דורכ'ן העכסטען נאַציאָנאַלען אָרגאַן. און וואָס באַשטעהען די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פונ'ם אידישען פאָלק, וואָס זיינען זיינע אינטערעסען און שטרעבונגען, ווי שטעלט עס זיך פאַר די הויפּט-פאָרמען פון זיין נאַציאָנאַלען בויען?—דאָס אַלץ האָט ניט געפינען קיין אויטאָריטעטע און פולמעכטיגע תשובה. דאָס פאָלק האָט געשוויגען. פאַר איהם און אין זיין נאָמען האָבען גערעדט די פאַרטייען, וועלכע האָבען געקעמפט צווישען זיך פאַר מאַכט. און אין דעם דאָזיגען קאַמף זיינען דורכגעגאַנגען די פופצען חדשים, וועלכע זיינען געווען אממערסטען רייך אין גרויסע מעגליכקייטען. די נאַציאָנען, וועלכע האָבען באַוויזען פאַר דער צייט צו אָרגאַניזירען זיך, האָבען ברייט אויסגענוצט אָט די מעגליכקייטען. מיר אָבער—צושטויבטע און צוריסענע דורך אינערע מחלוקת—האָבען כמעט אַלע מעגליכקייטען דורכגעלאָזען, פאַרשפּילט. און ערשט איצנד, ווען די ריאַקציע שטאַרקט זיך און עס ווערען ליקווידירט אַלע עראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע, טרעטען מיר צו מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיגונג צו שאַפען אין אוקראַינע האָטש אַ צייטווייליגע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג. מיר ענדיגען מיט דעם, מיט וואָס אַנדערע האָבען אָנגעהויבען.

דערפאַר אָבער איז איצט פאַר אונז נאָך ערנסטער און אחריות'דיגער די פראַגע וועגען אונזער פאָרפאַרלאַמענט. די פריהערדיגע פעהלערען מאָרען ניט איבערגעהורט ווערען. קיין זאַך טאָר זיך מער ניט שטעלען אויפ'ן וועג פון צונויפרופען אונזער נאַציאָנאַלע פאָרטרעטערשאַפט. די צייטווייליגע אידישע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג דאַרף ווערען אַ פאַקט. ענדליך מוז דאָס פאָלק אַליין באַשליסען זיין נאַציאָנאַלען גורל. דער משונה'דיגער האַר פון די פאַרטייאישע קולות דאַרף פאַרביטען ווערען דורך דער רוהיגער און זיכערער שטים פון דער נאַציאָן גופא.

אין דעם—איז די זעלבשטענדיגע באַדייטונג פון דער צייטווייליגער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. דער אויסערער גורל אירער איז נישט אין אונזערע הענט. צי זי וועט באַקומען אַ מלוכה'שע אנערקענונג צי ניין, צי וועט די מלוכה איר געבען עפענטליכע רעכטליכע פונקציעס צי ניין,—איז שווער צו זאָגען אין אונזער אומרוהיגער און נישט זיכערער צייט. אָבער אומאַבהענגיג פון דעם, ווי אַזוי די

קען מען דאָך מיינען, אַז די צרה האָט עפּעס אָנגעלערענט אונזערע „פּורבאָנעס"?

שטאָלץ פאַרפוצט אין די רעשטקעס פון דעם צוריסענעם מיניסטאָרען-מאַנטעל, מיט בלענד-ברילען אויף די קורצזיכטיגע אויגען, האָבען זיי נאָך אַלץ נישט געוואָלט אַנערקענען די גרויסע סכנה און ס'האָט זיך אָנגעהויבען דאָס טראַגיש-קאָמישע בלינדע קוה-שפּיל.

און דעם אמת טאָרען מיר נישט פאַרבאָרגען, דער פאַקט מוז פאַרצייכענט ווערען לדורות.

דאַמאָלס, ווען די גאַנצע פראַגע מכח אַ נאַציאָנאַלען מיניסטעריום איז געהאַנגען אין דער לופטען, ווען דאָס גאַנצע אידישע מיניסטעריום האָט בכלל באַדאַרפט בטל ווערען,—דאַמאָלס איז געווען אַ מעגליכקייט צו דערהאַלטען דעם קיום פון דעם אידישען מיניסטעריום דורך די פּערזענליכע קאַנדידאַטור פון וול. י. טיאָמקין. מענשען מיט איינפלוס און ערפאַרונג האָבען אונז איבערגעגעבען, אַז אויב אידישע פּאָליטישע גרופּען וועלען אַרויסשטעלען די קאַנדידאַטור פון טיאָמקין פאַר אַ אידישען מיניסטער—וועט דער מיניסטאָרען-ראַט איהם באַשטעטיגען און דאָס אידישע מיניסטעריום, דער העכסטער פאַרוואַלטונגס-אָרגאַן פון דער אידישער אויטאָנאָמיע, וועט בלייבען.

פאַר אונז איז געווען קלאָר, אַז קיין מיטגליד פון דעם מיניסטאָרען-קאַבינעט קענען מיר נישט געבען נישט נור אַלס אַ פאַרטיי-קאַנדידאַטור, נאָר אפילו נישט אַלס פּערזענליכע קאַנדידאַטור. מיר האָבען דעריבער געפרעגט, צי וועט מען אויך מסכים זיין אויף טיאָמקין אַלס צייטווייליגען פאַרוואַלטער פון אידישען מיניסטעריום אָדער אַלס סטאַטס-סעקרעטאַר פאַר אידישע ענינים. דאָס איז אונז פאַרזיכערט געוואָרען. און אין דער דאָזיגער פאָרם האָבען מיר איבערגעגעבען די פאַרטרעטער פון די נאַציאָנאַל-ראַט-פראַקציעס, ווייל, נאָכדעם ווי מיר זיינען שוין אַריינגעגאַנגען אין נאַציאָנאַל-ראַט, האָבען מיר, זעלבסט-פאַרשטענדליך, געוואָלט זיין לאָיאַל און אָנערקענען אַ קאַנדידאַט אין נאָמען פון נאַציאָנאַל-ראַט.

און ווייסט איהר, וואָס פאַר תשובה מיר האָבען געקראָגען פון אונזערע „לינקישע" פּאָליטיקער?

אפשר געדענקט איהר דעם משל, ווי אין דער צייט פון דעם פּוילישען אויפשטאַנד האָבען זיך אויף אין ביידעם פאַרבאַהאַלטען אַ פּאָליאַק מיט אַ איד, נאָך וועלכע קאָזאַקען האָבען זיך נאָכגעיאָגט. צווישען אַנגסטען אין טויט-שרעק האָט דער פּאָליאַק אַ געשריי געטאָן אויף זיין אידישען חבר:

— זשיד, טשאַפּקע! (איד, דאָס היטעל!).

אַזאַ סאָרט תשובה האָבען מיר געקריגען פון דעם „לינקען" טייל פון נאַצ. ראַט.

די „פּאַראייניגטע" האָבען ערקלערט, אַז אין יעדער ציוניסטישער קאַנדידאַטור זעהען זיי כמחשבה תחילה אַ סכנה פאַר די עראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע.

„בונד"—די צום מיינסטען פּאָליטישע פּאַרטיי אַז צום אידישען מיניסטר וועלען זיי זיך באַציהען אַזוי שאַרף ווי צום איבעריגען מיניסטאָרען-קאַבינעט. בנוגע צו זיין אידישער אַרבעט וועט דאָס זיין אָבהענגיג פון זיין פּראַקטישער אַרבייט, פאַר וועלכער ער איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר'ן נאַציאָנאַל-ראַט.

„פּועלי-ציון" האָבען נאָכגעבעקט דעם „בונד" און די פאָלקס-פּאַרטיי האָט, ווי שטענדיג, געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ גלייכצייטיג אויף יאָ און אויף ניין...

הייסט עס, קיין הסכמה איז נישטאָ. צוויי וואָכען האָבען זיך געצויגען די אונטערהאַנדלונגען און קיין תשובה האָט ה' טיאָמקין נישט געקענט געבען.

אַלזאָ מען דאַרף אויסבייטען אַ פּראָגראַם פאַר'ן מיניסטער.

און ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה פּראָגראַם.

דער נאַציאָנאַל-ראַט זיצט און שוויצט און דרשנ'ט און מען איז זיך מפלפל און מען קריגט זיך און מען הייצט זיך און—דער וואָגען שטעהט נאָך אַלץ אויפ'ן אייגענעם אָרט.—

ערשט איז שוין נישטאָ אייגענטליך וועגען וואָס זיך צו מפלפל זיין. אויף דאָס אידישע מיניסטעריום קען מען שוין זאָגען אַ רבנן-קדיש, מיט דער אויטאָנאָמיע מעג מען זיך אָבזעגענען, איבער דעם צוזאַמענפאָר פון קהלות הענגט אַ גרויסער פראַגעצייכען, מען זאָרגט אפילו ניט וועגען זיין אינהאַלט, נישט וועגען סדר-היום און נישט אפילו וועגען זיין מיטבניק.

אין אַ טיפער מרירה דריקט דאָס האַרץ, ווען מען קוקט זיך צו, ווייל עס האָט ביז אונז אין דער „שטורם-און-דראַנג-פּעריאָדע" געפירט די אידישע פּאָליטיק. בלוט-אָרעמע און שוואַך-קעפּיגע ישיבה-בחורים, אָהן פּאָליטישע האָריזאָנטען. גאָר-פּאָליטיק אויפ'ן אָרט פון רעאַל-פּאָליטיק, פּאַרטיי-רייסעניש אויפ'ן אָרט פון אייניגונג, קרעמערישע, קליינליכע פּרעטענזיעס אויפ'ן אָרט פון אַ גרויסען, נאַציאָנאַל-פּאָליטישען קוק אין דאָס אַרין פאַרדעקט מיט אַ רויטער פּורים מאַסקע, פּאַפּירענע מיצקעס פאַרמען ווי ביימפּרישטשע יאַקאָבינער-היט. די אָרעמע אידען נאָכקעמפער און גנבי הילקוט קריכט דעמוטידיגע אַרים פון דער וואָלאָוועלער רויטער ווייספּיצע צוגעשניטען דורך אַ קליין שטעטעלדיגען שניידער, פאַרפוצט מיט פּסולע ציצית, כדי עס זאָל זיין אַי נאַציאָנאַל, אַי ראַדיקאַל, אַי מאַרקס, אַי הערצל, אַי אידישלאַנד, אַי אוקראַיניש פּראָלעטאַריש...

פֿראַגען וועלען געלעזט ווערען, האָט די צייטווייליגע נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג פֿאַר זיך אַליין, אַלס אַזעלכע, אַ גרויסען ווערט און באַדייטונג. איר צונויפֿריף מעט האָפֿענטליך ענדליך מאַכען אַ סוף צו דער 15-חדשימדיגער אַנאַרכיע אין אידענטום, ביי וועלכער יעדערער, ווער ס'האָט זיך ניט געפֿוילט, האָט זיך גענומען דאָס רעכט צו רעדען אין נאָמען פֿון דער אידישער נאַציאָן, אָנבינדען איר די אָדער יענע פֿאָרמען פֿון נאַציאָנאַלען לעבען. די צייטווייליגע נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג, וועלכע שטעלט פֿאָר די דעמאָקראַטישע נאַציאָנאַלע קהלות, וועט קענען אַרויסווייזען דעם אמתען רצון פֿון אידענטום און אין הסכם מיט דעם דאָזיגען פֿאָלקס-ווילען וועט זי צוטרעטען צו דער נאַציאָנאַלער שאַפֿונגס-אַרבייט, וועלכע איז געוועזען אַזוי פֿאַרלאָזט. די מלוכה'שע אַנערקענונג אין דער אָדער יענער פֿאָרם וועט סוף-כל-סוף מוזען קומען, אויב ניט איצט, איז שפּעטער. די נאַציאָנאַלע זעלבסטאָרגאַניזאַציע דאַרף אָבער אַלענפֿאַלס שוין באַלד פֿאָרקומען.

פֿון דעם מאָמענט אָן, ווען עס וועט באַשאַפֿען ווערען אַן'אויטאָריטעטע נאַציאָנאַלע פֿאַרטרעטער-שאַפֿט, וועט די מלוכה זיך רעכענען מיט איר. זי מוז אָבער זיין ווירקליך אויטאָריטעט, דאַרף זיין דער סובערענער בעל-בית איבער אַלע פֿראַגען פֿון נאַציאָנאַלען לעבען, דער איינציגער פֿולמעכטיגער אויס-דריקער פֿון רצון און מיינונגען פֿונ'ם אוקראַינישען אידענטום. די החלטות פֿון דער צייטווייליגער אידישער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג בנוגע צו אַלע פֿראַגען, וואָס האָבען אַ שייכות צום לעבען פֿונ'ם אוקראַינישען אידענטום, דאַרפֿען גערעכענט ווערען פֿאַר'ן סובערעניטעטען ווילענס-אויסדרוק פֿון דער אידישער באַפֿעלקערונג און אַלס אַזעלכע דאַרפֿען זיי זיין אַ חוק און חיוב פֿאַר אַלע פּאַרטייען און שטרעמונגען.

II.

מיר שטרייכען אונטער: „אין אַלע פֿראַגען פֿון אידישען לעבען". ווייל אַ רייהע פֿון גרופּען און פּאַרטייען אין אידענטום פּרובען באַגרענצען די קאָמפּעטענץ פֿון דער צייטווייליגער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג און דערמיט אויך פֿון דער גאַנצער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אונזערע. דער „בונד" שטרעבט בכלל צו באַגרענצען די קאָמפּעטענץ פֿון די אָרגאַנען פֿון אונזער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אייסשליסליך מיט די פֿראַגען פֿון ריינער קולטור—פֿון שול, ליטעראַטור, קונסט, טעאַטער, מוזעען א. א. וו. אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען מיט דער „פֿאָלקספּאַרטיי" בתוכם צייכענען אָן אין זייער פּראָגראַם אַ באַדייטענד ברייטערע קאָמפּעטענץ פֿון אונזער אויטאָנאָמיע נאָר צוליב אַנ'אויסגלייך מיטין „בונד", צוליב דעם סאָציאַליסטישען שלום-בית האָבען זיי אָבגעטראָטען פֿון דער אייגענער פּראָגראַם, און דער געזעץ-פּראָיעקט וועגען דער צייטווייליגער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג, וואָס זיי האָבען אייסגעאַרבייט, באַגרענצט פֿאָראויס די קאָמפּעטענץ פֿון אָט דעם העכסטען פֿאַרטרעטונגס אָרגאַן פֿון דער נאַציאָן אייסשליסליך מיט די פֿראַגען פֿון קולטור, פֿאָלקס-געזונדהייט און סאָציאַלער פֿאַרזאָרגונג.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וועט קאַטעגאָריש און אַנטשיידען ניט דערלאָזען, אַז די פּרובען צו פֿאַרקירצען די קאָמפּעטענץ פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג זאָלען פֿאַרווירקליכט ווערען אין לעבען. אידישע פֿאָרשטעהער אין נאַציאָנאַלראַט האָבען געפֿאָדערט, אַז אין דער קאָמפּעטענץ פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג זאָלען אַריינגעהן „אַלע פֿראַגען פֿון אידישען לעבען", דער תּוכן פֿונ'ם וואָרט „אַלע" וועט באַשטימען די נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג גופֿא. אונזערע סאָציאַליסטישע גרופּען דאַרפֿען אָבער געפֿונען פֿאַר נויטיג פֿאָראויס באַגרענצען דעם רצון פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג, אָנבינדען איר אַ באַשטימטען קאָמפּעטענץ-קרייז, פֿון וועלכען זי זאָל ניט מאָגען אַרויסגעהן. די ציוניסטישע פֿאַרטרעטערשאַפֿט האָט געקעמפֿט פֿאַר אַן אומבאַגרענצטען סובערעניטעט פֿון דער צייטווייליגער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג. די סאָציאַליסטען צוזאַמען מיט דער פֿאָלקס-פּאַרטיי האָבען געשטרעבט אָט די דאָזיגע זעלבסטבאַשטימונגס-רעכט אַרומצושניידען.

אין דער צייטווייליגער אידישער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג וועלען מיר מיט דער אייגענער אויסדויער [illegible] קעמפֿען פֿאַר אָט דעם שטאַנדפּונקט. מיר באַטראַכטען די נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג אַלס דעם אויסדריקער פֿון דער גאַנצער כּלל-פֿון אידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסען. און די אינטערעסען ווערען בכלל ניט אויסגעשעפּט מיט די געביטען פֿון קולטור, פֿאָלקס-געזונט און סאָציאַלער פֿאַרזאָרגונג. ווייל דאָס טיילען פֿון די פֿאָלקס-אינטערעסען אויף נאַציאָנאַלע און נישט-נאַציאָנאַלע איז באמת קינסטליך און משונהדיג. יעדע נאַציאָן שטרעבט געוועהנליך איינשליסען אין קרייז פֿון איר נאַציאָנאַלער זעלבסטפֿאַרוואַלטונג אַלע געביטען פֿונ'ם לעבען. אַזוי קומט עס פֿאָר ביי די טעריטאָריאַלע נאַציאָנען וואָס בילדען אַ מערהייט אין אַ באַשטימטע טעריטאָריע; אָבער פֿאַר אַן'עקסטעריטאָריאַלער נאַציאָן, פֿאַר אַ שטענדיגער נאַציאָנאַלער מינדערהייט ווי מיר אידען זיינען, איז דאָס אין פֿילען מאָל ניט דערגרייכבאַר. דער [illegible] ביישפּיל פֿון די

פֿאַרוואַלטונגס-פֿונקציעס זיינען ענג פֿאַרבונדען מיט'ן באַגריף טעריטאָריע: די קאָמוניקאַציאָנס-וועגען, לאַנדווירטשאַפֿט, די עקספּלאָאַטאַציע פֿון די וועלדער אָדער ערדגרובען א. א. וו. דאָס אַלץ איז, פֿאַרשטעהט זיך ניט דערגרייכבאַר פֿאַר דער אידישער מינדערהייט. אָט דאָס, וואָס מיר האָבען ניט קיין טעריטאָריע, מעקט אויטאָמאַטיש אויס פֿון דעם אינהאַלט פֿון דער אויטאָנאָמיע די אַלע געביטען פֿון נאַציאָנאַלען לעבען, וועלכע מען קאָן ניט אָבטיילען פֿון דער טעריטאָריע. נאָר אַפֿילו אָהן זיי בלייבט איבער אויך אַ גרויסער קרייז פֿון נאַציאָנאַלע אינטערעסען, וועלכע ווערען ווייט ניט אויסגעשעפּט בלויז מיט די פֿראַגען פֿון פֿאָלקס-געזונט און סאָציאַלע פֿאַרזאָרגונג.

האָבען דען ניט די אידען ספּעציפֿישע נאַציאָנאַלע אינטערעסען אויפֿן געביט פֿון עקאָנאָמישער פּאָליטיק? פֿאָדערט דען ניט די אָבגעשטאַנענע אידישע מלאכה, וואָס נעמט אַרום אין פּאָלטאַווער גוב. 26 % פֿון דער אידישער באַפֿעלקערונג, אין פּאָדאָלער—29 %, אין וואָלינער—36 %, און אין טשערניגאָווער—39 %, באַזונדערע מיטלען צו באַשיצען זי און ברענגען זי צו אַ העכערער מדרגה? און ווייטער: די אָרגאַניזירונג פֿון פּראָפֿעסיאָנעלער בילדונג, כּדי צו אויפֿהויבען די מדרגה פֿון טעכנישער צוגרייטונג פֿון די אידישע בעלי-מלאכה, די אָרגאַניזירונג פֿון ביליגען קרעדיט, אָרגאַניזירען דעם פֿאַרקויף א. א. וו. —דאָס אַלץ דאַרף אַריין אין דער קאָמפּעטענץ פֿון די אָרגאַנען פֿון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

און דער אידישער מסחר, וואָס ליידט פֿון אַנ'-אומבאַרחמנותדיגען דראַנג מצד די קאָאָפּעראַטיווען און נאַציאָנאַלען באָיקאָט? און די הונדערטער טויזענטער אַרבעטלאָזע און היימלאָזע, וואָס זיינען אַרויסגעוואָרפֿען געוואָרען אויף דער גאַס דורך דער מלחמה און דורכ'ן עקאָנאָמישען חורבן? די אָרגאַניזירונג פֿון אַרבעט-הילף, די שאַפֿונג פֿון ביליגען קרעדיט, געגענזייטיגער פֿאַרזיכערונג, געזעלשאַפֿטען פֿאַר געגענזייטיגער הילף, פֿאַרברויכס און פּראָדוקציאָנס-פֿאַראיינען — ווערט דיקטירט דורך די טאָג-טעגליכע, נאַטירליכע לעבענס-אינטערעסען פֿון די פֿאָלקס-מאַסען. די דאָזיגע אינטערעסען קאָן מען ניט איגנאָרירען. מען קאָן זיי ניט לויט'ן אייגענעם ווילען טהיילען אויף אַזעלכע, וועלכע מען דאַרף באַפֿרידיגען און אַזעלכע, וועלכע מ'דאַרף ניט באַפֿרידיגען. דורכדעם ווערט פֿאָראויס באַשלאָסען די פֿראַגע וועגען אַריינעמען אין דער קאָמפּעטענץ פֿון די אויטאָנאָמע אָרגאַנען די פֿראַגען וועגען די רעליגיעז-מנהגישע באַדערפֿענישען פֿון דער אידישער באַפֿעלקערונג, אויף וויפֿיל פֿאַר די ברייטע אידישע פֿאָלקס-מאַסען אין זייער טאָג טעגליכען לעבענס-שטייגער האָבען אַ גרויסען באַטרעף דער ראַבינאַט, כּשר עסען און קבורה לויט'ן אידישען דין, אויף אַזוי פֿיל קאָנען ניט די אָרגאַנען פֿון אונזער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע איגנאָרירען אָט די דאָזיגע לעבענס-באַדערפֿענישען.

מ'קאָן אויך ניט אויסשליסען פֿון דער קאָמפּעטענץ פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג די אָנגעווייטאָגטע קאָמפּליצירטע עמיגראַציאָנס-פּראָבלעם. נאָך פֿאַר דער מלחמה פֿלעגען מיר געבען הונדערטער טויזענטער עמיגראַנטען. ווען די גרעניצען וועלען זיך עפֿענען, וועט די עמיגראַציאָנס-כוואַליע ווערען נאָך שטורמישער. און דער העכסטער אָרגאַן פֿון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע קאָן נישט פֿאַרביינעהן נעבען אָט דער מורא'דיגער ערשיינונג. זיין אויפֿגאַבע איז אָנצופֿירען מיט דער עמיגראַציאָנס און איבערזידלונגס-אַרבעט, רעגולירען זי אין הסכם מיט די נאַציאָנאַלע אינטערעסען פֿונ'ם אידענטום.

די דאָזיגע נאַציאָנאַלע אינטערעסען שטעלען פֿאַר דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג אויך די צענטראַלע פּראָבלעם פֿון דעם קומענדיגען נאַציאָנאַלען בויען—די פּאַלעסטינע-פֿראַגע. די פֿראַגע וועגען שאַפֿען אַ אויטאָנאָמען אידישען צענטער אין פּאַלעסטינע, וואָס האָט שוין לאַנג אויפֿגעהערט זיין אַ פּאַרטיי-זאַך פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דאַרף ווערען אַ ענין פֿונ'ם גאַנצען אָרגאַניזירטען אידענטום. די צייטווייליגע אידישע נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג דאַרף מיט איר אויטאָריטעטען וואָטום באַשטעטיגען דעם רצון פֿונ'ם אוקראַינישען אידענטום צו שאַפֿען אַ רעכטליך געזיכערטען צענטער אין פּאַלעסטינע און אין הסכם דערמיט געפֿינען די וועגען פֿון רעאַלער מיטווירקונג פֿאַר דער פּאַלעסטינער קאָלאָניזאַציע, ווי אויך שטיצען די נאַציאָנאַלע אינסטיטוטען, וואָס ווערען געשאַפֿען אין פּאַלעסטינע.

פֿון די פּראַקטישע פֿראַגען פֿונ'ם היינטיגען טאָג ביז די ווייטערע נאַציאָנאַלע אידעאַלען דאַרף זיך פֿאַרשפּרייטען די קאָמפּעטענץ פֿון דער צייטווייליגער אידישער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג. זי—איז דער העכסטער אָרגאַן פֿון דער אידישער נאַציאָן אין אוקראַינע און קיין אידישע זאַך קאָן איר ניט זיין פֿרעמד. אַלע פֿראַגען פֿון אונזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ מוזען פֿאַרענטפֿערט און רעגולירט ווערען. די קהלות מוזען באַקומען פֿון זייער העכסטען אָרגאַן אויטאָריטעטע אָנווייזונגען. דער תּהו ובהו, וואָס הערשט אינ'ם בויען פֿון די קהלות, ווען יעדער אָרטיגע קהלה שאַפֿט לויט אייגענעם ווילען, טאַפּט ממש אין דער פֿינסטער, זוכט צו אָנטרעפֿען דעם ריכטיגען וועג, דאַרף פֿאַרביטען ווערען מיט אַ

איינהייטליכען פלאן, וואס דארף אויסגעארבעט ווערען אויפ'ן יסוד פון געגענזייטיגען באקענען זיך מיט דער ערפארונג, וואס איז שוין דא אין די דאזיגע ענינים. די אומפאראנטווארטליכע עקספערימענטען טארען לייננער ניט דויערן. ס'איז געקומען די צייט פון ווירקליכער מעטאדישער שאפונג.

דאס ווארט האבען די אידישע דעמאקראטישע קהלות!

אין זייערע הענט געפינט זיך איצט דער גורל פון דער צייטווייליגער אידישער נאציאנאלער פארזאמלונג, פונ'ם ערשטען פארטרעטונגס-ארגאן פונ'ם אוקראינישען אידענטום.

שעכטמאן.

א קורצער סך-הכל.

„מיר" און „זיי", הדסים געגען הדסים, „רעכטע" און „לינקע", „רעאקציע" געגען „רעוואלוציע" — אט די אלע פאלעמישע אויסדריקען און שטעך-ווערטלאך גרילצען שוין ממש אלעמען אין די אויערן. און מען קאן בשום אופן ניט תופס זיין, אין וואס עס זיינען, איגענטליך, באשטאנען די פאדערונגען פון דעם אדער יענעם צד און ווער עס האט סוף-כל-סוף מנצח געווען.

לאמיר, אלזא, מאכען א קורצען, טרוקענעם סך-הכל פון דער לאנגזאמער קאפיטולאציע פון די אידישע סאציאליסטען כמעט אין אלע קאמף-פראגען פון אידישען לעבען. בלויז פאקטען, טאטזאכען, וואס רעדען פאר זיך אליין.

1) מיר האבען פונ'ם ערשטען מאמענט אן ערקלערט, אז דער אלטער „נאציאנאלראט ביים מיניסטעריום" טאר ניט זיין צוזאמענגעשטעלט בלויז אויפ'ן יסוד פון פארטייאישער פארטרעטונג און לכל הפחות טאר ניט דערלאזט ווערען א געקינצעלטע, פאלסיפיצירטע מערהייט דורך דעם, וואס אלע פארטייען, גאר גרויסע און גאר קליינע, זאלען זיין פארגעשטעלט אין א גלייכער צאל פארשטעהער.

כל זמן זיי האבען זיך געקענט אנשפארען אויף דער ראדע, האבען זיי ניט געוואלט אנערקענען אונזערע באגרינדעטע פאדערונג. שפעטער האבען זיי אבער קאפיטולירט. דער נאציאנאל-ראט איז סוף כל סוף רעקאנסטרואירט געווארען אויפ'ן יסוד פון אביעקטיווע סמנים וועגן די כחות-פארהעלטענישען אינ'ם אידישען פאלק. אונזער פארשלאג איז אנגענומען געווארען, נאר מיט א פארשפעטיגונג אויף א האלבען יאהר.

2) מיר האבען געפאדערט, אז דער אידישער מיניסטער זאל געקליבען ווערען פון די ארגאנען פון דער אידישער אויטאנאמיע, אז ער זאל ניט אריינגעהן אינ'ם מיניסטארען-קאבינעט און ניט טראגען קיין אחריות פאר דער אלגעמיינער פאליטיק. ס'מוז זיין א סטאטס-סעקרעטאר.

זיי האבען זיך געוועהרט געגען דעם, בשום אופן ניט געוואלט דערלאזען אזא געדעכטע זאך. און סוף-כל-סוף... קאפיטולירט. מיט זייערע שטימען איז אנגענומען געווארען די רעזאלוציע, אז דער מיניסטער אדער פארוואלטער דארף געקליבען ווערען און ניט באשטימט ווערען פון אויבען. און זיי האבען געקליבען דעם פערוואלטער, ערקלערענדיג, אז ער געהט ניט אריין אין קאבינעט, טראגט ניט קיין אחריות פאר דער אלגעמיינער פאליטיק.

3) מיר האבען געפאדערט, אז די צייטווייליגע נאציאנאלע פארזאמלונג זאל געבויט ווערען נאר אלס פארשטעהערשאפט פון די קהלות, אז בלויז געוועהלטע מענשען זאלען זיין אירע מיטגלידער. זיי האבען געוואלט אריינשמוגלען אינ'ם פארפארלאמענט פופציג פערזאן פונ'ם אלטען נאציאנאל-ראט, מענשען, וואס זיינען באשטימט פון די פארטייען, און אויף אזא אופן שאפען אין פארפארלאמענט א מערהייט. מיט פארטיי-שליחים האט מען געוואלט מאיאריזירען די פארשטעהערשאפט פון די קהלות.

ס'זיינען אריבער איניגע חדשים און זיי האבען זיך אונטערגעגעבען: פונ'ם געזעץ זיינען אויסגעמעקט געווארען די פופציג „לאדרען" פון נאציאנאל-ראט און די צייטווייליגע נאציאנאלע פארזאמלונג וועט באשטעהן פון 125 מאן, וואס וועלען געוועהלט ווערען דורך די קהלות.

4) מיר האבען פארגעלייגט אן ארבייטס-פראגראם פאר'ן מיניסטעריום, אין וועלכע עס איז געשטאנען ווייס אויף שווארץ: „בנוגע צו געזעלשאפטליכע און פריוואטע איניציאטיווע קיין שום באגרענעצונגען פאר אידיש און העברעאיש. אין דער איבעריגע קולטורעלע ארבייט בלייבט דאס מיניסטעריום בנוגע צו דער שפראכען פראגע אויפ'ן נייטראלען שטאנדפונקט, איבערלאזענדיג פאר די באטרעפענדע ארגאנען פון דער אידישער אויטאנאמיע".

זיי האבען די רעזאלוציע אבגעווארפען, אבשאפען באגרענעצונגען האט געהייסען אויף זייער שפראך „נאכגעבען דער קאנטר-רעוואלוציע". און עטליכע וואכען ארום האבען זיי געשיקט א פארוואלטער, וועלכער האט פארמעל פובליק ערקלערט, אז ער וועט ניט נור ניט דערלאזען קיין שום באגרענעצונגען, נאר וועט זיך אפילו מיט גלייכע אויפמערקזאמקייט באציהען צו אלע אידישע קולטורעלע אנשטאלטען. ווידער א קאפיטולאציע, א שטילע און שעמעוודיגע.

5) מיר האבען ערקלערט אז דער איצטיגער נאציאנאל-ראט האט ניט קיין באשטימטע פראגראם אויפ'ן געביט פון קולטור-טעטיגקייט, ווייל די פראגראם פונ'ם אלטען נאציאנאל-ראט איז אויף אים ניט הל. האבען זיי נאטירליך געטענה'ט פונקט קאפויר: ס'איז פאראן א פראגראם, און נאך א וועלכע!

ס'זיינען אריבער צוויי וואכען און זיי אליין האבען אריינגעטראגען א רעזאלוציע, וועלכע הייבט זיך אן מיט די ווערטער: „ארויסגעהענדיג דערפון, אז דער איצטיגער נאציאנאל-ראט האט ניט קיין פאראיס-באשטימטע פראגראם..." ווידער א מאל קאפיטולירט.

און אזוי בכדי, פון זיצונג צו זיצונג, וואס עס איז אקארשט געווען „רעאקציאנער" ווערט אין זייער מויל כשר „רעוואלוציאנער", וואס מ'האט ערשט נעכטען ערקלערט אלס פאלקספיינדליך ווערט פארוואנדעלט אין דעמאקראטיזם. און די דאזיגע אונווערדיגע שפיל מיט'ן גורל פון דער אידישער אויטאנאמיע קומט פאר פאר די אויגען פון דער גאנצער אידישער געזעלשאפט. איז איצט האפען זיי נאך, די נאאיווע אדער פארבלענדטע, אז עס וועט זיך געפינען א [illegible], וואס וועט זיי שיצען פאר'ן טרויען — און איבערגעבען אין זייערע הענד די צוקונפט פון דער אויטאנאמיע.

די צייטווייליגע נאציאנאלע פארזאמלונג, איר צוזאמענשטעל אין באשטאנד, וועט באווייזען צי מ'קען פון אזעלכע עלעמענטען בויען א אידישען נאציאנאלען פארבאנד און שאפען מלוכה'שע ארגאנען פון דער אויטאנאמיע. די פאקטען רעדען פאר זיך אליין.

מ. ג.

צייטווייליגע נאציאנאלע פארזאמלונג.

6 די פלאטפארם פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. 6

פארבלייבענדיג אויפ'ן באדען פון דער זעקס פלאטפארם, מיט וועלכער די ציוניסטישע ארגאניזאציע איז ארויסגעטראטען בעת די וואהלען צום אלרוסלענדישען אידישען צוזאמענפאר און אנערקענענדיג, אז נאר די אלאוקראינישע אידישע נאציאנאלע פארזאמלונג, וואס וועט ווערען געקליבען אויפ'ן יסוד פון אלגעמיינעם, גלייכען, געהיימען, דירעקטען און פראפארציאנעלען וואהלרעכט, וועט האבען דאס רעכט ענדגילטיג און פריי צו באשליסען די וויכטיגסטע פראגען אין דעם לעבענסשטייגער פונ'ם אידישען פאלק אויף אוקראינע, ערקלערט די ציוניסטישע ארגאניזאציע, אז אירע פארשטעהער אין דער צייטווייליגער נאציאנאלער פארזאמלונג (פארשטעהערשאפט פון די קהלות) וועלען זעהן דורכצופיהרען פאלגענדע פראגראם:

1) ביז עס וועט צונויפגערופען ווערען די אלאוקראינישע נאציאנאלע פארזאמלונג דארף די צייטווייליגע נאציאנאלע פארזאמלונג, וואס איז געבויט אלס פארשטעהערשאפט פון די דעמאקראטישע קהלות, זיין דער העכסטער ארגאן פון דער אידישער אויטאנאמיע אין אוקראינע און שטרעבען איבערצובויען אנשטאט די אלטע [illegible] פארמען פונ'ם אידישען לעבען א נייע דעמאקראטישע ארגאניזאציע, וואס זאל איינשליסען אלע זייטען פונ'ם אידישען לעבען, [illegible] ארגאניזאציע, וואס זאל זיך שטיצען אויף נאציאנאלע און דעמאקראטישע כחות פונ'ם גאנצען אידישען פאלק.

2) אין דער איצטיגער שווערער צייט וועלען די ציוניסטישע פארשטעהער אין דער צ. נ. פ. באטראכטען פאר איינע פון זייערע וויכטיגסטע אויפגאבען צו פארפעסטיגען און צו שטיצען די נאציאנאל-פערזאנאלע אויטאנאמיע און אלע אירע ארגאנען.

3) די ציוניסטישע פארשטעהער אין דער צ. נ. פ. וועלען ענערגיש קעמפען קעגען וועלכען-עס-איז פרווו, סיי פון אינעווייניג און סיי פון דרויסען, צו באגרענעצען די קאמפעטענץ פון דער צ. נ. פ. און פון דעם נאציאנאלען פארבאנד. די ציוניסטישע ארגאניזאציע וועט פאדערן, אז די ארגאנען פון דער נאציאנאלער אויטאנאמיע זאלען באפרידיגן אלע באדערפענישען פון דער אידישער באפעלקערונג לויט איר געשיכטליכען לעבענס-שטייגער, און

זייער קאמפעטענץ דארף ארייננעהן די גרינדונג, אויסהאלטונג און שטיצע פון אנשטאלטען, וואס פירען אן מיט:

א) קולטור און בילדונגס-ענינים;
ב) באפרידיגען די רעליגיעזע בעדערפעניסען;
ג) סאציאל-עקאנאמישער הילף (קאאפעראטיווען, פראפעסיאנעלע בילדונג א. א. וו.);
ד) קאלאניזאציע פון ארץ-ישראל;
ה) רעגולירען די עמיגראציע און די וואנדערונגען אין לאנד;
ו) פאלקס-געזונדהייט;
ז) געזעלשאפטליכע פארזארגונג;
ח) מעטריקאציע און רעגיסטראציע פון דער אידישער באפעלקערונג.
ט) ביורושעט.

4) די ציוניסטישע ארגאניזאציע באטראכט די קהלות אלס דעם קערן און גרונד-יסוד פון דער אידישער אויטאנאמיע. אין דעם רשות פון די קהלות דארפען תיכף איבערגעגעבען ווערען אלע ארטיגע אידישע קולטורעלע און געזעלשאפטליכע אנשטאלטען אהן שום אויסנאם.

5) כדי צו באפעסטיגען די קהלות און שטעלען זיי אויף א געזונטען יורידישען און פינאנציעלען באדען דארף די צ. נ. פ. קודם כל אויסארבייטען און זעהען דורכצופירען אין די געהעריגע מלוכה-אנשטאלטען: א) א געזעץ, אז די קהלות ווערען אנערקענט אלס עפענטליך-רעכטליכע ארגאנען פון דער אידישער אויטאנאמיע; ב) א געזעץ וועגען הכנסה-שטייער פאר די קהלות, וואס דארף געצאלט ווערען פון אלע קהלה-מיטגלידער; ג) א געזעץ וועגען פראפארציאנעלע אבערעכנונגען פון מלוכה און מוניציפאלע מיטלען פאר די בעדערפעניסען פון די ארגאנען פון דער אויטאנאמיע.

6) די צייטווייליגע נאציאנאלע פארזאמלונג דארף פאדערן צו אנערקענען די רעכט פון דער אידישער שפראך אין געזעלשאפטליכען לעבען, אדמיניסטראציע און געריכט.

7) די למוד-שפראך פון די קולטורעלע אנשטאלטען, וואס ווערען געשאפען דורך די ארגאנען פון דער אידישער אויטאנאמיע, דארף זיין אונזער נאציאנאלע שפראך — העברעאיש. דער אידישער שפראך מוז דערביי געזיכערט ווערען א געהעריג ארט אין אלע בילדונגס-אנשטאלטען.

8) די ציוניסטישע ארגאניזאציע שטעהט אויפ'ן שטאנדפונקט, אז בראש פון דעם העכסטען ארגאן פון דער אידישער אויטאנאמיע אין אוקראינע דארף שטעהען א סטאטס-סעקרעטאר פאר אידישע ענינים, וואס זאל זיין געוועהלט דורך דער נאציאנאלער פארזאמלונג אדער פון אנדערע העכסטע ארגאנען פון דער אידישער אויטאנאמיע, פאר וועלכע ער איז פאראנטווארטליך; דערביי טראגט ער ניט קיין שום אחריות פאר דער אלגעמיינער מלוכה-פאליטיק.

9) אנערקענענדיג די איינהייט פון דער אידישער נאציע אויף דער גאנצער וועלט, ווילען די ציוניסטישע פארשטעהער פאדערן, אז די העכסטע ארגאנען פון דער אידישער אויטאנאמיע אין אוקראינע זאלען האבען דאס רעכט צו קומען אין באציהונגען מיט די אידישע איינריכטונגען און ארגאניזאציעס פון אנדערע לענדער בנוגע צו אלגעמיינע אידישע ענינים, און אין דער ערשטער ליניע מיט פוילען, ליטע, ווייס-רוסלאנד, קרים א. א.

10) די צ. נ. פ. דארף באשטימען, אז אין דער קאמפעטענץ פון די ארגאנען פון דער נאציאנאלער אויטאנאמיע דארף ארייננעהן די מיטווירקונג ביים שאפען א נאציאנאלע היים פאר'ן אידישען פאלק אין ארץ-ישראל.

חברים קהלה-ראטמענער! געדענקט, אז 21, 22 און 23 דארפען
אומעטום פארקומען די וואהלען אין די צייטוו. נאצ. פארזאמלונג
6 = [illegible] צו די וואהלען =
גיבט די ראטמענער-שטימען פאר דעם צעטעל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע נום.

6 = דער קאנדידאטען-צעטעל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. = 6

1. אוסישקין, מנחם מענדעל. (אדעס), מיטגליד פונ'ם ציוניסטישען אקציאנס קאמיטעט, פארזיצענדער פון אדעסער פאלעסטינער קאמיטעט.
2. ביאליק, חיים נחמן (אדעס).
3. טיאמקין, וואלף, (יעליסאוועטגראד), מיטגליד פון ציוניסטישען צ. ב., פארזיצענדער פון יעליסאוועטגראדער קהלה-ראט.
4. מאצקין, לייב (קיעוו), מיטגליעד פונ'ם ציוניסטישען אקציאנס-קאמיטעט.
5. זלאטאפאלסקי, הלל (קיעוו), מיטגליד פונ'ם, אוקראינישען ציוניסטישען צ. ב., פארזיצענדער פונ'ם צענט. קאמ. „תרבות", מיטגליד פונ'ם נאציאנאל-ראט.
6. סירקין, משה נחמן (קיעוו), מיטגליד פון ציוניסטישען אוקראינישען צענטראל ביורא, פארזיצנדער פון קיעווער קהלה-ראט, רעדאקטאר פונ'ם „טעלעגראף".
7. דרוזאנאוו, אלטער (אדעס), מיטגליד פון ציוניסטישען צ. ק., געוועזענער רעדאקטאר פונ'ם „העולם".
8. ברוק, משה (יעקאטערינאסלאוו), מיטגליד פונ'ם ציוניסטישען צ. ק., פארזיצענדער פונ'ם יעקאטערינאסלאווער קהלה-ראט.
9. קלויזנער יוסף (אדעס) רעדאקטאר פון „השלח".
10. ווילענסקי, לייב (חארקאוו), מיטגליד פונ'ם אוקראינישען ציוניסטישען צ. ב. ראטמאן פון קהלה.
11. פאסמאניק דניאל (יאלטא), מיטגליד פונ'ם אוקראינישען ציוניסטישען צ. ב.
12. גאלדשטיין אלעקסאנדר (קיעוו), מיטגליד פונ'ם ציוניסטישען צ. ק.
13. הינדעס מתתיהו (קיעוו), מיטגליד פונ'ם אוקראינישען צ. ב., מיטגליד פונ'ם נאצ.-ראט.
14. פען שמואל (אדעס), ראטמאן פונ'ם אדעסער קהלה-ראט, ראטמאן פון אדעסער שטאט-דומע.
15. גראסמאן מאיר (קיעוו), מיטגליד פונ'ם אוקראינישען ציוניסטישען צ. ב., מיטגליד פונ'ם נאציאנאל-ראט, רעדאקטאר פון „אויף דער וואך".
16. פערסיק שושנה (קיעוו), מיטגליד פונ'ם אוקראינישען צ. ב., מיטגליד פונ'ם צ. ק. „תרבות".
17. טריוואוס ישראל (אדעס), ראטמאן פון אדעסער קהלה-ראט, ראטמאן פון אדעסער שטאט-דומע.
18. כהנשטאם אהרן (קיעוו), פארוואלטער פון גראדנער לערער-קורסען, מיטגליד פונ' מרכז „המזרחי".
19. שווארין שלים (אדעס), פארזיצענדער פונ'ם אדעסער ציוניסטישען געגענד-קאמיטעט, ראטמאן פון קהלה-ראט, רעדאקטאר פון „יעווריסקאיא מיסל".
20. מארשאק אהרן (קאנאטאפ), מיטגליד פונ'ם ציוניסטישען צ. ק., ראטמאן פון קאנאטאפער קהלה-ראט.
21. בראסלאווסקי שלמה (יעקאטערינאסלאוו), מיטגליד פונ'ם יעקאטערינאסלאווער ציוניסטישע געגענד-קאמיטעט, ראטמאן פון יעקאטערינאסלאווער קהלה-ראט.
22. חינער ישעיהו (זשיטאמיר), ראטמאן פון זשיטאמירער קהלה-ראט.
23. פערסיץ יוסף (קיעוו), מיטגליד פונ'ם צ. ק. „תרבות", מיטגליד פון נאציאנאל-ראט.
24. רובינאוו לעאן (פאלטאווא), ראטמאן פונ'ם פאלטאווער קהלה-ראט.
25. ראבקין נחמן (קיעוו), מיטגליד פון צ. ק. „תרבות", מיטגליד פונ'ם פרעזידיום פון קיעווער קהלה-ראט.
26. מאנזאן יחזקאל (בערדיטשעוו), אנגעזעהענער כלל-טהוער.
27. סאפיר יוסף, ד"ר (אדעס), אנגעזעהענער ציוניסטישער עסקן.
28. אלטמאן שלום (קאמענעץ-פאדאלסק), ראטמאן פון דעם קאמענעצער קהלה-ראט.
29. מאהילעווער יוסף (אדעס), פארוואלטער פון אדעסער לעהרער סעמינאריע פון „תרבות", ראטמאן פון אדעסער קהלה-ראט, מיטגליד פון נאציאנאל-ראט.
30. פילמאן יעקב (אדעס), געהילפס-פארזיצער פון אדעסער אבטיילונג פון דער קולטור-ליגע.
31. קאגאן פנחס (יקאטערינאסלאוו), מיטגליד פון דער פארוואלטונג פון דער יעקאטערינאסלאווער קהלה-ראט, דירעקטאר פון אידישער גימנאזיע.

32. נעהעלשטיין שלמה (כערסאָן), לערער, ראַטמאַן פון חערסאָנער קהלה-ראַט.
33. שליפּער דוד (קיעוו), פרידענס-ריכטער, ראַטמאַן פון קיעווער קהלה-ראַט.
34. באַנפעלד צבי (אומאַן), מיטגליד פונ׳ם אוקראַיִנישען צ. ב., מיטגליד פונ׳ם פּרעזידיום פונ׳ם אומאַנער קהלה-ראַט.
35. זוסמאַן, אברהם (אָדעס), אַגראָנאָם, מיטגליד פון אָדעסער פּאַלעסטינער קאָמיטעט, רעדאַקטאָר פונ׳ם זשורנאַל „פּאַלעסטינא“.
36. נישטאַט אריה (קאָנאָטאָפּ), מיטגליד פונ׳ם צ. ק. „תרבות“, מיטגליד פון נאַציאָנאַל-ראַט.
37. טשאַרנא שלמה (חאַרקאָוו), לעקטאָר פון די גראָדנער קורסען, מיטגליד פונ׳ם צ. ק. פונ׳ם לעהרער פאַרבאַנד „המורה“, מיטגליד פונ׳ם נאַציאָנאַל-ראַט.
38. כפּיזאַק אהרן (אומאַן), מיטגליד פון אומאַנער קהלה-ראַט.
39. כּאַנים יעקב, ד״ר (קיעוו), מיטגליד פון קיעווער קהלה-ראַט, מיטגליד פונ׳ם נאַציאַנאַל-ראַט
40. שפּיגמאַן פּנחס (יעקאַטערינאָסלאַוו), ראַטמאַן פון יעקאַטערינאָסלאַווער קהלה-ראַט, מיטגליד פונ׳ם נאַציאָנאַל-ראַט.
41. היילפּערין יחיאל (אָדעס), פאַרוואַלטער פון פרעבעל קורסען, ראַטמאַן פון אָדעסער קהלה-ראַט
42. ליוושיין נחום (חאַרקאָוו), ראַטמאַן פון חאַרקאָווער קהלה-ראַט.
43. ביטעלמאַן יוסף (זשיטאָמיר), געהילפס-פאָרזיצענדער פונ׳ם זשיטאָמירער קהלה-ראַט.
44. ציזמער משה (אָדעס), פּעדאַגאָג, ראַטמאַן פון אָדעסער קהלה-ראַט.
45. שאַפּירא, אליהו (וויניצע), ראַטמאַן פון וויניצער קהלה-ראַט, מיטגליד פון נאַצ. ראַט.
46. לעווינסקי ברוך (אומאַן), ראַטמאַן פון אומאַנער קהלה-ראַט.
47. וויינבערג מאיר (בעלאָצערקאָוו) ראַטמאַן פון בעלאָצערקאָווער קהלה-ראַט.
48. בערמאַן יעקב (ראָוונאָ), ראַטמאַן פון ראָוונער קהלה-ראַט.
49. פרידלאַנד פּסח (קרעמענטשוג), ראַטמאַן פון קרעמענטשוגער קהלה-ראַט.
50. האַראַרסקי זאב (יעקאַטערינאָסלאַוו), ראַטמאַן פון יעקאַטערינאָסלאַווער קהלה-ראַט, מיטגליד פונ׳ם נאַציאָנאַל-ראַט.
51. לייזעראָוויטש משה (קיעוו), מיטגליד פון ציוניסטישען שטאָט-קאָמיטעט.
52. שימקין נחום ד״ר (אָדעס), פאָרזיצענדער פון אָדעסער ציוניסטישען שטאָט-קאָמיטעט.
53. האַמעלסקי שמואל (קיעוו), סעקרעטאַר פון ציוניסטישען צ. ק. אין רוסלאַנד, מיטגליד פונ׳ם נאַציאָנאַל-ראַט.
54. שניאורסאָן נחום (ניעזשין), ראַבינער, מיטגליד פון דער ניעזשינער קהלה.
55. קאַפּלאַן אברהם (באַחמוט), ראַטמאַן פון דער באַחמוטער קהלה.
56. ראָזענשטיין משה (קיעוו), ראַטמאַן פון קיעווער קהלה.
57. ישאַק עמנואל (סימפעראָפּאָל), ראַטמאַן פון סימפעראָפּאָלער קהלה.
58. ראַבינסקי שלמה (סקווירע), פאָרזיצענדער פון דער סקווירער קהלה, מיטגליד פון דעם נאַציאָנאַל-ראַט
59. האַנדעלמאַן חיים (קיעוו), מיטגליד פון פאַרוואַלטונג פון דער קיעווער קהלה.
60. ווידרין, פייוויל (יעקאַטערינאָסלאַוו), מיטגליד פון דער יעקאַטערינאָסלאַווער קהלה.
61. זשאַבאָטינסקאַיאַ מערעזשאַ (אָדעס).
62. [illegible] אהרן דוב (קיעוו), ראַטמאַן פון דער קיעווער קהלה.
63. הוראַרעצקי יהושע (וואָזיקע), מיטגליד פון דער קהלה.
64. בריזני חיה (פּראָסקוראָוו), ראַטמאַן פון דער קהלה.
65. בערעזאָווסקי אברהם (יעקאַטערינאָסלאַוו), מיטגליד פון ציוניסטישען ראַיאָן-קאָמיטעט.
66. נאָרטמאַן ישראל (קיעוו), מיטגליד פון נאַציאָנאַל-ראַט.
67. נאַכטמאַן בנימין (קיעוו), מיטגליד פון נאַציאָנאַל-ראַט.
68. [illegible] דוד (קיעוו), מיטגליד פון נאַציאָנאַל-ראַט.

69) [illegible], שמואל (קיעוו).
70) [illegible], יהושע (ליטאַגער).
71) [illegible], שמואל (אָבעראָג).
72) [illegible], בנימין ([illegible]).
73) [illegible] הירש (ליצק).
74) [illegible]
75) סיבעריצקי, זלמן (רומני).
76) ווישנעפּאָלסקי, אברהם (בעלאָצערקאָוו).
77) אייזענשטאַדט, קלמן (נאָוואָזיבקאָוו).
78) הענשאַפּט, אברהם (אַלעקסאַנדראָווסק).
79) באַראָוויטשיק, שמואל (פּאָלטאַווע).
80) בדנאַיי, יצחק (קיעוו).

81) שווידקי, יוסף-משה (ראָוונע).
82) פעלדערבוים, אהרן (חערסאָן).
83) חאַריף, ליבוש (סקווירע).
84) וויניקאָוו, אהרן (קיעוו).
85) זאַק, מאיר (קאַמענעץ-פּאָדאָלסק).
86) דריליטש, יהושע (קיעוו).
87) זאַרעצקי, לייב (לוגאַנסק).
88) איידעלמאַן, שולם (לובנע).
89) בריינין, אברהם (קיעוו).
90) מיליאָווסקי, זלמן (קאַניעוו).
91) קאָנטאָרשטיק, יוסף (קיעוו).
92) זאַקס, בינימין (מעליטאָפּאָל).
93) פּרושאַנסקי, חיים (קיעוו).
94) ראַפּאַפּאָרט, יהושע (טשערניחאָוו).
95) חורגין, רחמיאל (ווערכניעדניעפּראָווסק).
96) פּילוצקי, איסר (בערדיאַנסק).
97) אָקון, זלמן (אומאַן).
98) ציבולניק, משה (אָוורוטש).
99) נעמיראָווסקי, אפרים (פּאָגרעבישטשע)
100) יושקאָוויצקי, שלמה (טעטיעוו).
101) קליינער, מנשה (קיעוו).
102) מעליפּ, משה (קיעוו).
103) זאלקאָווער, ח. ה (קיעוו).
104) מאַזע, לייב (קיעוו).
105) טשעסקיס, שלמה (קיעוו).

די רשימה פון דער ציוניסטישער פאָלקס-פראַקציע „צעירי-ציון“.

קאַפּלאַן אליעזר—פאָרזיצער פון מרכז פון ציוניסטישער פאָלקס-פראַקציע „צעירי ציון“, ראַטמאַן פון קיעווער קהלה, מיטגליד פון נאַציאָנאַל-ראַט. ברודני אייזיק—געהילפס-פאָרזיצער פון מרכז, מיטגליד פון נאַציאָנאַל-ראַט. מערעמינסקי ישראל—מיטגליד און סעקרעטאַר פון מרכז, מיטגליד פון רעדאַקציאָנס קאָלעגיע „ערד און אַרבייט“, מיטגליד פון נאַציאָנאַל-ראַט. אידעלסאָן ישראל—מיטגליד פון מרכז, ראַטמאַן פון יעקאַטערינאָסלאַווער קהלה. סקווירסקי ישראל—ראַטמאַן פון אַדעסער קהלה. זאַק ישראל—מיטגליד פון הויפּט-ביוראָ פון פאָלקס-פראַקציע, ראַטמאַן און פאָרזיצער פון קהלה אין ביעלאַיא-צערקאָוו. בערענשטיין יהודה לייב—מיטגליד פון מרכז. לעווינסאָהן אברהם—מיטגליד פון רעדאַקציאָנס-קאָלעגיע „ערד און אַרבייט“, מיטגליד פון „נאַציאָנאַל-ראַט“. נאַרפּינקעל יהודה לייב—מיטגליד און סעקרעטאַר פון הויפּט-ביוראָ פון פאָלקס-פראַקציע אין אוקראַינא, פאָרזיצער פון האַמעלער נעגענד-קאָמיטעט. אדלער אביגדור—מיטגליד פון הויפּט-ביוראָ, ראַטמאַן און געהילפס-פאָרזיצער פון ניקאָלאַיעווער קהלה. חייקינא בת שבע—מיטגליד פון הויפּט ביוראָ, ראַטמאַן פון פּאָלטאַווער קהלה. ערליך יעקב—מיטגליד פון טשערניגאָווער קהלה-פאַרוואַלטונג. אשכנזי שמחה—מיטגליד פון הויפּט ביוראָ, נאַציאָנאַל-ראַט, ראַטמאַן פון טעטיעווער קהלה. גאָלדבערג חיים—מיטגליד פון אָדעסער נעגענד-קאָמיטעט. חיימזאָן ישראל—ראַטמאַן און פאָרזיצער פון וויניצער ועד הקהלה. ראַבינאָוויטש יעקב—מיטגליד פון מרכז „המורה“, ראַטמאַן פון אָדעסער קהלה. ווערלינסקי נ.—מיטגליד פון הויפּט ביוראָ, ראַטמאַן פון יעליסאַוועטגראַדער קהלה. פּאָסטמאַן משה—מיטגליד פון הויפּט-ביוראָ, נאַציאָנאַל-ראַט. בלעכמאַן חיים. העלפּמאַן מרדכי—מיטגליד פון הויפּט ביוראָ, ראַטמאַן פון קהלה אין ביעלאַיא-צערקאָוו. מיכעלסאָן יהודה לייב—ראַטמאַן פון אָדעסער קהלה. יאַמפּאָלסקי—ראַטמאַן פון מאָהליווער (פּאָד.) קהלה. שניידער יהודה—ראַטמאַן פון ניקאָלאַיעווער קהלה. קאַלטון יעקב—פאָרזיצער און ראַטמאַן פון ליובאַרער קהלה. פּאָליאַקאָוו פּנחס—ראַטמאַן פון ראָמנער קהלה. מוראַוויטשיק שמואל—מיטגליד פון נאָוואָזיבקאָווער קהלה-פאַרוואַלטונג. לעבעדמאַן אהרן—ראַטמאַן פון וויניצער קהלה. בעלאָצערקאָווסקי מרדכי—ראַטמאַן פון קיעווער קהלה. זאַבאַרסקי אברהם—ראַטמאַן פון פּאַסטאָווער קהלה. אחיעזר זימול—ראַטמאַן פון לוגאַנסקער קהלה. קאַנעווסקי יצחק—ראַטמאַן פון מעליטאָפּאָלער ועד הקהלה. ריווין יוסף—ראַטמאַן פון טשערניגאָווער קהלה-פאַרוואַלטונג. פרידמאַן מרדכי—נ.—פאָרזיצער פון פּאָלטאַווער פראַקציע. האשצעוואַטסקי—מיטגליד פון אומאַנער אגיטאַציאָנס ביוראָ. לעווין אליעזר—ראַטמאַן פון יעקאַטערינאָסלאַווער קהלה-פאַרוואַלטונג. היילפּערין מענדל—ראַטמאַן פון טשערקאַסער קהלה. שרייער—קאַמענעץ-פּאָדאָלסק. קולינסקי אליהו—פּערעיאַסלאַוו. לאַנצמאַן טוביה—ראַטמאַן פון טאַראַשטשער קהלה. מושניק יצחק—ראַטמאַן פון שעפּעטאָווקער קהלה. משערניכאָוו יצחק-משה—ראַטמאַן פון סמילער קהלה. רייזמאַן דוב—פּראָסקוראָוו. מאַליאַר עזריאל—נאָוואָגראַד וואָהלינסק. פּאַטאַפּאָווסקי—באַכמוט. מאַהליווער יעקב—באַר. פּאָלונסקי יצחק—ראָמני. ריסקין—סטאַראָדוב. פּינסקי אהרן—ראַטמאַן פון רעטשיצער קהלה. געלבורט יעקב—ראַטמאַן פון בערדיאַנסקער קהלה.

פון די וואהל-תקנות.

דאָס רעכט אָבצוגעבען זייער שטים האָבען אַלע ראטמענער פון די קהלות, וואָס זיינען אויס[illegible]ט לויט'ן געזעץ פון 2-טען דעקאַבר 1917 [illegible] די וואַהלען אין די דאָזיגע קהלות זיינען [illegible] עפּסלט דורך דער אדמיניסטראַ[illegible].

דאָס רעכט אויסגעוועהלט צו ווערען פאַר א מיטגליד פון פאָרפאַרלאַמענט האָבען אַלע אידישע בירגער איף אוקראַינע, וועלכע האָבען לויט'ן געזעץ פון 2-טען דעקאַבר וואהל-רעכט ביי די וואַהלען אין די קהלות.

יעדער גרופּע פון 10 קהלה-ראַטמענער האָט דאָס רעכט אָנצוגעבען א קאַנדידאַטען-צעטעל אין וועלכע עס דאַרף אנגעוויזען ווערען דער סדר פון די קאַנדידאַטען, זייערע נעמען, פאַמיליעס און אַדרעסען.

יעדע פּאַרטײַ קאָן פיגורירען נאָר אין איין קאַנדידאַטען-צעטעל, און דאַרף געבען זײַן הסכמה דערויף.

די הסכמה קען געגעבען ווערען טעלעגראַפיש אָדער שריפטליך פונ'ם קאַנדידאַט גופא אָדער פונ'ם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטײַ, וואָס שטעלט אַרויס דאָס צעטעל.

די אָרטיגע וואהל-ביוראָ'ען וועלען דאַרפען תיכף נאָך די וואַהלען צושיקען אין הויפּט וואהל-ביוראָ טעלעגראַפיש די פאָלגענדע ידיעות: א) וויפיל שטימען זיינען אָבגעגעבען געוואָרען פאַר יעדען קאַנדידאַטען-צעטעל; ב) וויפיל וואהל-קאַרטלאך זיינען איינגאַנצען אָפּגעגעבען געוואָרען בשעת די וואַהלען אין דער קהלה (געפּסלטע קאַרטלעך ניט רעכענען); ג) וויפיל ראַטמענער זיינען פאַראַן אין דער קהלה.

פּראָטאָקאָלען פון די וואַהלען.

אין פּראָטאָקאָל, וואָס ווערט אונטערגעשריבען דורכ'ן פאָרזיצער און מיטגלידער פון אָרטיגען וואהל ביוראָ און גחתמעט מיט'ן שטעמפּל פון דער קהלה, ווערען אַרײַנגעשריבען [illegible] פון די וואַהלען און אַלע אינצעלנע פּרטים ליט פּאָל[illegible] [illegible]

מוסטער פון פּראָטאָקאָלען.

פון דער . . . זיצונג פונם . . . אָרטיגען וואהל-ביוראָ
אויף דורכפיהרען די וואַהלען אין דער צענטראַליגער אידישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. דעם . . . יולי 1918.
פאָרזיצער פון וואהל-ביוראָ . . . מיטגלידער פון וואהל-ביוראָ . . . די זיצונג האָט זיך געעפענט . . . 6 [illegible]
ביים באַטראַכטען דעם וואהל-קעסטל האָט [illegible]
געוויזען, אַז . . . . . אָבגעגעבען זייערע וואהל-[illegible]
האָבען די פאָלגענדע קהלה-ראַטמענער
(באַזונדערע באַמערקונגען) . . .
פאַרן פאַרמאַכען די זיצונג האָט [illegible]ער . . .
פאַרחתמה'ט דעם וואהל-קעסטל און איבערגעגעבען די ה"ה . .
פאָרזיצער פונם וואהל ביוראָ . . .
די מיטגלידער פונם וואהל-ביוראָ . . .
(שטעמפּעל).

פון דער . . . זיצונג פונם . . . אָרטיגען וואהל-ביוראָ
אויף דורכפיהרען די וואַהלען אין דער צענטראַליגער אידישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. דעם . . . יולי 1918.
פאָרזיצער . . . מיטגלידער . . .

לויט די פריערדיגע פּראָטאָקאָלען האָבען אָפּגעגעבען זייערע וואהל-קאַרטלאך . . . . קהלה-ראַטמענער.

ביים באַטראַכטען דאָס וואהל-קעסטל האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס וואהל-קעסטל איז גאַנץ און אַלע חתימות און שטעמפּלען זיינען אומבאַריהרט.

ביים עפענען דאָס וואהל-קעסטל האָבען זיך דאָרט געפונען . . . קאָנווערטען.

נאָכ'ן עפענען די קאָנווערטען און צונויפציילען די וואהל-קאַרטלאך, האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז ס'זיינען אָבגעגעבען געוואָרען בכלל-הכל . . . וואהל-קאַרטלאך, פון זיי זיינען אַנערקענט געוואָרען פאַר גילטיג . . . וואהל-קאַרטלאך און פאַר ניט גילטיג . . . . וואהל-קאַרטלאך, צוליב פאָלגענדע טעמים . . . .

פון די גילטיגע צעטלען זיינען אָבגעגעבען געוואָרען פאַר'ן צעטל נומ. 1 . . . וואהל-קאַרטלאך, פאַר'ן צעטל נומ. 2 . . . און אזוי ווייטער.

אַלע אָפּגעגעבענע וואהל-קאַרטלאך, סיי די גילטיגע, סיי די ניט גילטיגע זיינען נאָכ'ן ציילען אַרײַנגעלייגט געוואָרען אין א קאָנווערט און פאַרחתמ'ט געוואָרען.

דאָס וואהל-ביוראָ שטעלט פעסט, אַז ביי די וואַהלען צו דעם אָרטיגען קהלה-ראַט זיינען אָבגעגעבען און ניט געפּסלט געוואָרען . . . שטימען, און אַז דער אָרטיגער קהלה-ראַט באַשטעהט פון . . . קהלה ראַטמענער.

אין הויפּט-וואהל ביוראָ.

דאָס הויפּט וואהל-ביוראָ האָט שוין לאַנג צוגעגרייט אַלע נויטיגע מאַטעריאַלען פאַר די וואַהלען און פאַרפאַרקאַ [illegible]

[illegible] אַז די וואַהלען [illegible]

[illegible] ראַטמענער פון די קהלות!
[illegible] א פאַרשטײַנערישעס פון די דעמאָקראַטישע קהלות.
[illegible] די וואַהלען.
[illegible] די אומפּאַרטייאישע ראַטמענער [illegible]

וועגען דער שול-פראַגע.

אויף דעם לעצטען צוזאַמענפאָר פון די עלטערען און פּעדאַגאָגען פון גאַנץ אוקראַינע, וועלכער איז צונויפגערופען געוואָרען, כדי צו לעזען די פּראַקטישע זײַט פון דער שול-פראַגע, האָט איינער פון די בעסטע און גרעסטע פּעדאַגאָגען געזאָגט: „די שול מוז זײַן צוגעפּאַסט צו די נאַציאָנאַל-פּסיכאָלאָגישע זײַטען פון דעם פאָלק. די עלטערען אליין דאַרפען באַשטימען מיט זייער פרײַען רצון די פאָרם פון דער שול. אין אַלע שולען מוז געלערנט ווערען אוקראַינישע ליטעראַטור און געשיכטע, כדי צוגרייטען די מאַסען צו א נאַציאָנאַלער אוקראַינישער שול“.

אָט די ווערטער פון אַן אמת'ן פּעדאַגאָג און נאַציאָנאַליסט וואָלטען מיר אויך געדאַרפט נעמען אין אכט, ווען מיר רעדען וועגען בויען אונזער נײַע שול, אָבער נישט וועגען דעם אינהאַלט פון דער שול האָט מען אויף דעם עלטערען און לערער-צוזאַמענפאָר גערעדט, נאָר בלויז וועגען דער פאַרפלאָנטערטער שפּראַכען-פראַגע: אויף וואָס פאַר א שפּראַך דאַרפען זיך פירען די למודים אין אוקראַינע, אויף רוסיש אָדער אוקראַיניש? און טאַקי דערפאַר איז פאַר אונז אינטערעסאַנט די תשובה, וואָס האָט געגעבען דערויף דער צוזאַמענפאָר. און דער ענטפער איז אַ גאַנץ איינפאַכער. קיין אַנדערער קאָן דאָך נישט זײַן, ווען ס'רעדט זיך וועגען א נאַציאָנאַל פאָלקס געפיל אָדער א גײַסטער גײַסטליכער פאָדערונג: מ'דאַרף פרעגען דאָס פאָלק, די עלטערען גופא.

אין איינ אונזערע געגנער זײַנען מסכים מיט אונז, אַז צווישען דער שול און דער היים טאָר נישט זײַן קיין שום תהום, ווי ס'איז געווען צווישען די „קאַזיאָנע שולען“ אין דער אידישער היים, דאַרפען זיי געהען אין דעם איינענעם וועג, וואָס מיר, ד. ה. זיך רעכענען מיט דער מיינונג פון די עלטערען און אויפ'ן יסוד פון זייער ווילען בויען די נײַע אידישע שול.

די שאַרפע פּאָליטישע מלחמה צווישען די גלותיסטען און ציוניסטען, וועלכע האָט פאַרכאַפּט די אידישע גאַס און האָט זי צושפּאַלטען אויף צוויי פײַנדליכע צדדים, האָט אויך נישט געלאָזט צורוה דאָס אידישע קינד. פון איין זײַט די העברעאיסטען-ציוניסטען, פון דער אַנדערער זײַט די אידישיסטען גלותיסטען אין בײַדע זאָגען איינמאַל איבער אַלע מאָל: „גזרו!“

קיין שום פּרינציפּיעלע פּעדאַגאָגישע איבערצײַגונגען וועלען נישט איבערבייטען די מיינונגען פון די אָדער יענע געגנער און זיי וועלען צו קיין פּשרה נישט קומען. קיין שום ריכטער קאָן נישט משפּט'ן ווער ס'איז גערעכט און זאָגען וועמען עס געהערט די צוקונפט. דער איינציגער ריכטער זײַנען די צײַט און דאָס פאָלק, זיי בײַדע וועלען געבען א קלאָרע תשובה און אויף זיי מוז מען זיך פאַרלאָזען.

פריהער פון אַלץ מיין איך דערמיט זאָגען אָט וואָס: קיין שום צוואַנג מאָר דאָך נישט זײַן ניט פון אונזער זײַט אויף אונזערע געגנער, און ניט פון זייער זײַט אויף אונז. דער איינציגער וועג-ווײַזער אין דעם פינסטערען וועג וועט זײַן פאַר אונז נאָר די פרײַהײַט. אַלע גרופּען פון דעם אידישען פאָלק האָבען דאָס רעכט צו ערציהען זייערע קינדער אזוי, ווי זיי פאַרשטעהען. און אויף זייער נאַציאָנאַלען אינסטינקט מעג מען און מ'דאַרף זיך פאַרלאָזען. אויב ס'וועט, צום בײַשפּיל, אײַנגעבויט ווערען א שול (געוועהנליך א פּאַסיגע און א נאָרמאַלע, נאָכ'ן אינהאַלט און דער פאָרם), אין וועלכער ס'וועלען זיך געפינען א גענוגע צאָל קינדער, דאַרף די קהלה זי אונטערהאַלטען: צי די למוד-שפּראַך וועט זײַן העברעאיש, צי אידיש.

נאָר דאָ מוזען מיר באַמערקען, אַז איין תנאי דאַרפען מיר שטעלען אונזערע געגנער, ווי אויך זיך אונז: **נישט באַשאַפען קיין צוויי אידישע פעלקער, אבגעזונדערטע איינע פונ'ם אַנדערען מיט צוויי באַזונדערע שפּראַכען און אינהאַלטען.** דאָס וועט צורײַסען אינגאַנצען דאָס אידישע פאָלק, און דאָס טאָרען מיר בשום אופן נישט דערלאָזען, נישט מיר און נישט אונזערע געגנער, אויב זיי זײַנען פאַראינטערעסירט, גלײַך מיט אונז, אין דעם וואוקס און בליהען פון אונזער פאָלק אין דער צוקונפט. איך וויל דערמיט זאָגען, אַז אין די העברעאישע שולען מוז געלערנט ווערען אידיש אויף אזוי פיעל, אַז אַרויסגעהענדיג פון דער שול אָדער גימנאַזיע זאָלען די תלמידים זײַן באַקאַנט מיט דער אידישער ליטעראַטור און איר געשיכטע אויף וויפיל ס'איז בכלל מעגליך דורכצוגעהען די למודים אין דער אָדער יענער שול. און דאָס נעמליכע (נישט מער חלילה!) פאָדערען מיר פון די אידישיסטישע שולען. אַז די קינדער וועלכע ענדיגען די אידישיסטישע שול זאָלען קאָנען העברעאיש אויף אזוי פיעל, אַז זיי זאָלען זעלבסטשטענדיג לעזען די העברעאישע ליטעראַטור און זײַן באַקאַנט מיט איר געשיכטע.

לויט אונזער מיינונג איז דאָס דער איינציגער מיטעל צו פאַרענטפערען אָט די פאַרשאָלטענע פאַרפלאָנטערטע גלות-פּראָבלעם, וועלכע הייסט „שפּראַ

כען־פראַגע". זאָלען די עלטערען מיט זייער נאַציאָנאַלען אינטימען געפיהל טון, וואָס זיי ווילען, און זאָלען די קומענדיגע דורות מיט זייער אייגענעם פרייען רצון אויסקלייבען דאָס, וואָס זיי וועלען באַטראַכטען פאַר ריכטיג און גלייך. אָבער אונזער חוב באַשטעהט קודם כל אין דעם: זיי באַקענען מיט בייִדע שפּראַכען און מיט אַלץ, וואָס האָט אַ קולטורעל־נאַציאָנאַלע באַדייטונג פאַר אונז.

ס'איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז מיר, ציוניסטען, דאַרפען בויען נאָר די עכט העברעאישע שול, אין וועלכער אַלע למודים זאָלען געלערנט ווערען אויף דער שפּראַך פון אונזער פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט. אונזער גאַנצע ענערגיע מוז אוועק געהען אויף אויסצובויען די נייע נאָרמאַלע אידישע שול, אין וועלכער ס'זאָל זיך ערציהען אין בריהען דער נייער, שטאָלצער און געזונטער איד, אָט דער קומענדיגער איד, אין וועלכען ס'זאָל זיך האַרמאָניש צונויפגיסען דאָס אידישע מיטן מענשליכען און נאָר דאַן וועט פאַרשווינדען ווערען אָט דער „רע", וואָס הערשט אין די הערצער פון אונזער שלאַפער צעריסענער אינטעליגענץ, וועלכע האָט אונז געבראַכט צו דער פאַרשאַרפטער מלחמה און צוריבען אונזער גאַנצקייט...

איך האָב דאָ בכוון נישט גערעדט נישט פון דער פּרינציפּיעלער זייט און נישט פון דער פּעדאַגאָגישער. שוין גענוג טינט איז אויסגעגאָסען געוואָרען דערוועגען, שוין גענוג ווייטען אין די צייטונגען און אינגעפילט געוואָרען, אין די אַלע וכוחים און אמפּערייען האָבען צו קיין שום רעזולטאַט נישט געבראַכט און וועלען מסתמא נישט ברענגען. איך גלייב, אַז פאַר בייִדע לאַגערען איז דאָס נישט נאָר אַ בלויז פּעדאַגאָגישע פראַגע, נאָר אַ סך טיפערע פּראָבלעם. די שפּראַך דאָס איז אַ אינדאַלט אויף צו פאַרדעקען דעם אָפּגרונט, וועלכער צעטיילט אונז מיט זיי. און ווי פאַר אונז אזוי אויך פאַר זיי איז די שפּראַכען־פראַגע געבונדען מיט אַ גאַנצער באַזונדערער וועלט־אַנשויאונג. מאַכן דעריבער [illegible] איך, אַז [illegible] פינען אַ [illegible], [illegible] צו פאַרענטפער[illegible] די פראַגע [illegible].

אין [illegible] אינזערע [illegible], אַז נאָר מיט אונזערע [illegible] אויף [illegible], דאָבער [illegible].

[illegible]

[illegible] פון מיט איך מיט אַלע [illegible] אויף דער אידישער [illegible] איז צו ערפּ[illegible] [illegible] פון דעם אידישען פאָלק, אונזער [illegible] די [illegible] אין גאַנצקייט פון דעם אידישען פאָלק און נישט לאָזען דאָס צוטיילען אויף צוויי באַזונדערע פעלקער. און לאָזען זיי געדענקען, אַז די וואָס זיי וועלען זאָגען נאָר „גזרו!", די וועלען אַנויאיירען דעם גאַנצען צוטריט פון דעם אידישען פאָלק, דער אמתן פאַטער פון דעם ציקונפטיגען דור...

צי וועלען דאָס נעמען אין אַכט אונזערע געגנער? צי וועלען דאָס נעמען אין זין אויך אונזערע חברים, די וואָס שטעהען פאַר אַ ריין העברעאישע שול? די צייט וועט זיי צייגען דאָס צו טון.

מ. שיינס.

פון דער פינסטערער פאַרגאַנגענהייט.

IV.

על פי יושר מוז מען אָנערקענען, אַז דער פּאָליצײ־דעפּאַרטאַמענט האָט ערפילט זיין חוב דערביט, וואָס ער האָט מקוים געווען מאַקלאַקאָוו'ס באַפעל איבערצוגעבען בייליס'ן צום געריכט, אָבער אין דער זעלבער צייט נישט דערלאָזען קיין אידישע פּאָגראָמען. אין משך פון דער גאַנצער צייט פון'ם פּראָצעס פלעגען פון'ם אינערן־מיניסטעריום אנקומען זעהר שטרענגע באַפעהלען צו דער אָרטיגער אדמיניסטראַציע קיין אידישע פּאָגראָמען נישט צו דערלאָזען. אינטערעסאַנט איז, וואָס דיאַטשענקאָ האָט דעם 11 סעפּטעמבער טעלעגראַפירט: „נאָלאָבייעוו מעלדעט, אַז ביז'ן סוף פון פּראָצעס וועלען קיין אומרוהען נישט פאָרקומען, אויב ווייטער גאַראַנטירט ער נישט". מאַקלאַקאָוו האָט עטליכע מאָל טעלעגראַפירט אַז מ'זאָל אָננעמען ענערגישע מיטלען און ווירקען אויף אַלע אָרגאַניזאַציעס, אַז עס זאָל נישט פּאַסירען קיין אויסשרייטונגען, וואָס רייצען אויף אַ טייל באַפעלקערונג געגען דער אַנדערער, און [illegible] די [illegible] אַז די אחריות פאַר די אויסשרייטונגען וועט פאַלען אויף דער אָרטיגער מאַכט.

מאַקלאַקאָוו האָט, ווייזט אויס, גוט געקענט זייער [illegible] אין דאָס פאַרשטאַנען, אַז ס'איז פאַראַן אַ [illegible] פון אַ באַפעל ביז אַ באַפעל; דעריבער האָט ער גערעדט אויף דער שפּראַך, וואָס איז גוט פאַרשטענדליך פאַר זיינע משרתים.

[illegible] נאָך [illegible] פּראָצעס (1 אָקטאָבער) טע[illegible] [illegible] [illegible] געבערנאַטאָר: „[illegible] פון אַ [illegible] אין צוזאַמענהאַנג מיט בייליסעס פּראָצעס איז שוין פאַרבײַ, [illegible] פאַר נייטיגענדיג, אַז עס זאָל נישט אָנגעשטאַט ווערען די אויפמערקזאַמקייט פון

דער פּאָליציי אָבצוהיטען די אָרדנונג און נישט דערלאָזען דעם קלענסטען ארויסטרעט".

און וואָס פאַר אַ פּעולה עס האָבען געהאַט אָט די אַנטשלאָסענע באַפעלען אויף די ערטער! האָט די פּאָליציי נישט געוואָלט — וואָלט קיין פּאָגראָמען נישט געווען.

אָט דאָ, קאָן זיין, געפינען מיר די תשובה אויף דער שאלה וועגען דער ראָלע פון דער רעגירונג אין די אידישע פּאָגראָמען. ס'איז נישט גאַנץ ריכטיג די מיינונג, וואָס איז פאַרשפּרייט אין ברייטע קרייזען פון דער אידישער באַפעלקערונג, אַז די רעגירונג גופא האָט געמאַכט די פּאָגראָמען. אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט מען נישט געפונען קיינע שפּורען פון אַ צענטראַלער, אזוי צו זאָגען, רעגירונגס־אָרגאַניזאַציע פאַר פּאָגראָמען.

ווי איז געווען די באַציהונג פון'ם געוועזענעם קיסר צום פּראָצעס?

שריפטליכע דאָקומענטען, וואָס זאָלען געבען די מעגליכקייט צו רעדען וועגען דעם מיט דער גייסטיגער גענויקייט — האָט זיך מיר נישט איינגעגעבען צו באַקומען. ס'איז אָבער קיין ספק נישט, אַז דער קיסר האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט'ן פּראָצעס און איז געווען גוט אינפאָרמירט וועגען אים. וועגען דעם האַראַקטער פון די באַריכטען, וואָס שטשעגלאָוויטאָוו פלעגט מאַכען ניקאָלײַ דעם 2־טען, קאָן מען משפּטן לויט דער סטענאָגראַם פון שטשעגלאָוויטאָוו'ס אויספרעגען אין דער קאָמיסיע:

פאָרזיצער: איר זאָגט, אַז איר געדענקט נים צי האָט איר אָבגעגעבען אַ באַריכט דעם געוועזענעם אימפּעראַטאָר וועגען בייליסעס פּראָצעס. [illegible] אָבער פאַרא [illegible], אַז דעם 21 סעפּטעמבער 1911 האָט איר דערלאַנגט דעם געוועזענעם אימפּעראַטאָר אַ אַלאַנטערטעניגסטען שריפטליכען פאָרטראַג וועגען דעם?

שטשעגלאָוויטאָוו: אויב אַזאַ פאָרטראַג עקזיסטירט, איז עס וואַרשיינליך געווען.

פאָרזיצער: געדענקט איר אפשר, אַז אין [illegible] דעם פאָרטראַג ווערט געזאָגט, אַז [illegible] [illegible] האָט ארויסגעבאַקט [illegible] [illegible] וועגען דעם, אַז איינער פון די [illegible] [illegible] איז געווען דער אַד [illegible] געליבט?

שטשעגלאָוויטאָוו: דאָס איז אין באַריכט [illegible] מסתמא איז עס אזוי געווען.

פאָרזיצער: איר גלויבט מסתמא מיר. [illegible] זיך אָבער אין אייער זכרון גאָרנישט נים פאַרבליבען [illegible] דעם [illegible]?

שטשעגלאָוויטאָוו: ניין.

פאָרזיצער: בכלל זעהט איר, ווי עס זעהט אויס, באַקאַנט מיט בייליסעס פּראָצעס. צי האָט מען געקאָנט, רעדענדיג וועגען אַז די „פּריטשעפּען", זאָגען אַז עס זיינען פאַראַן דירעקטע באַווייזען אויף בייליסעס אנטייל?

שטשעגלאָוויטאָוו: איך וואָלט געזאָגט אַז דאָס איז אַ דרייסטע באַהויפּטונג, ווייל דאָרט זיינען פאַראַן אומדירעקטע באַווייזען.

פאָרזיצער: דאָך האָט איר דאָס באַהויפּטעט אין'ם באַריכט דעם טרעגער פון דער דאַמאָלסדיגער העכסטער מאַכט.

שטשעגלאָוויטאָוו'ס ענטפער אויף דער פראַגע איז אין סטענאָגראַם ניטאָ.

מאַקלאַקאָוו האָט אינפאָרמירט דעם קייזער וועגען די געזעלשאַפטליכע שטימונגען, און וועגען דער באַציהונג פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען צום פּראָצעס. ביעלעצקי האָט געמאַכט דאַריף אויפמערקזאַם, אַז די אידישע אינטעליגענץ, וועלכע איז העכסט אויפגערעגט פון בייליסעס פּראָצעס, האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע מיט דער הילף פון דער ראַדיקאַלער פּרעסע און דורך פאַרשפּרייטען קלאַנגען אין רוסלאַנד, שאַפען אין די געזעלשאַפטליכע קרייזען די איבערצייגונג, אַז די סבה דערפון, וואָס עס איז ארויסגעוואַקסען דער פּראָצעס, זיינען די פּערזענליכע אַנטיסעמיטישע געפיהלען פון דער העכסטער מאַכט. כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם פּרט דער אַרטיקל אין דער צייטונג „בירזשעוויע וועדאָמאָסטי" אונטער'ן קעפּיל „בייליס און דער קיסר".

א אומדירעקטער באַווייז אויף דער באַציהונג פון קיסר צו דעם ענין קאָן זיין דאָס, וואָס ער האָט באַשענקען די פּערזאָנען פון געריכט און פּראָקוראַטור, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט אינ'ם פּראָצעס.

אויף וויפיל ניקאָלאי דער 2 איז געווען אינפאָרמירט קאָן מען זעהן דערפון, וואָס מאַקלאַקאָוו האָט אים באַריכטעט, „אַז די אידען פאַרשפּרייטען זשעטאָנען מיט'ן בילד פון בייליס'ען, וואָס איז נים לאַנג פרייגעשפּראָכען געוואָרען אין קיעוו פון דער באַשולדיגונג אין הרג'ענען יושטשינסקי'ן." די מוסטערן פון די זשעטאָנען זיינען צוגעלעגט געוואָרען צום באַריכט.

צי איז געווען צווישען די שוואַרצמאה'ניקעס אַ שמחה, ווען דער פּראָצעס האָט זיך געענדיגט? צי האָבען זיי זיך געפיהלט ווי זיגער אין דעם קאַמף? ניין, אבי, עס זיינען צוטיילט געוואָרען מתנות, אַנינע האָבען געמאַכט אַ קאַריער, ס'זיינען געווען

פײַערליכער מיטאָג, שמאַקאָוו'ס און זאַטיכלאָווסקי'ס באַריכטען. דאָס איז אָבער געווען אָהן באַגײַסטערונג. אָט וואָס עס האָט דערצעהלט וועגען „דעם פעריאָד שצעגלאָוויטאָוו.

פאַרזיצער: איר געדענקט, אַז דער מיטגליד פון נאָסוד, דומע מאַקלאַקאָוו האָט אין זײַן רעדע אָנגעוויזען דאַרויף, אַז אַלע די, וועלכע האָבען זיך ניט באַצויגען נעגאַטיוו צו בײַליס'עס שולד האָבען באַקומען באַלוינונגען. מיר איז אינטערעסאַנט, ווי האָט איר זיך באַצויגען אַלס יוסטיץ-מיניסטער צו אַזאַ ערשײַנונג?

שצעגלאָוויטאָוו: איך האָב געקוקט דאַרויף אַזוי: דער יוסטיץ-מיניסטער האָט וואַרשײַנליך געזעהען אין דעם פּראָצעס די אויסערגעוועהנליכע טעטיגקייט פון די פּערזאָנען און דערפאַר געגעבען זיי די מעגליכקייט צו שטײַגען העכער.

פאַרזיצער: עס זײַנען אָבער דערהויבען געוואָרען ריכטער, וועלכע האָבען זיך באַצויגען ניט נעגאַטיוו צו דער באַשולדיגונג, נאָר פאַרקערט, פּאָזיטיוו.

שצעגלאָוויטאָוו: דער פּראָצעס האָט זיך אָבער געענדיגט מיט פרײַשפּרעכען.

פאַרזיצער: אָבער דער פּראָצעס האָט אין דערזעלבער צײַט אָנערקענט דעם פאַקט אין אַ געוויסען אָרט. ווי איר ווייסט, איז בײַ די דאַמאָלסדיגע באַדינגונגען צו דערשלאָגען זיך צו אַזאַ אָנערקענונג — שוין אויך געווען אַ געוויסער רעזולטאַט.

שצעגלאָוויטאָוו: יעדענפאַלס האָט די טעטיגקייט פון די דאָזיגע פּערזאָנען ניט געבראַכט צום נצחון פון דער באַשולדיגונג.

פאַרזיצער: לכל הפּחות האָבען זיי געשטרעבט דערצו.

שצעגלאָוויטאָוו: איך רעכען, אַז דער דאָזיגער אומשטאַנד האָט אייגענטליך ניט געשפּילט קיין ראָלע, ד. ה. בנוגע צו באַשולדיגען אָדער צום פרײַשפּרעכען, אין דעם דאָזיגען פאַל איז דאָס ניט געווען גלײַך גרינג פאַר אַלע טײַלנעמער. דאַריבער האָב איך גערעכענט פאַר גערעכטיג צו געבען אָט די טײַלנעמער אַנ'עליה.

פאַרזיצער: און די ריכטער, וועלכע זײַנען געבליבען בײַ אַ באַזונדער מיינונג בײַם איבערגעבען צום געריכט — קאַמענצאָוו און כיזשאָוו, זיי האָבען באַקומען אַ באַלוינונג אין דינסט?

שצעגלאָוויטאָוו: קאַמענצאָוו און ריזשאָוו? איך האָב נישט קיין ידיעה דערפון.

מיטגליד פון קאָמיסיע זאַוואַדסקי: זיי זײַנען ביז איצט מיטגלידער פון דער געריכטס-פּאַלאַטע.

ל. אַלין.

דער קריזיס פון דער אידישער אויטאָנאָמיע.

אויפ'ן פרישען קבר.

דער מיניסטאָרען-קאַבינעט האָט געמאַכט נאָך אַ שטריך מיט'ן פעדער — און עס איז אָבגעמעקט געוואָרען איינע פון די גרעסטע עראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע, — עס איז אָבגעשאַפט געוואָרען די נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע. און אַלס פּועל-יוצא פון דער נײַער גזירה ווערען שוין ממילא בטל די אידישע אויטאָנאָמע אָרגאַנען, וואָס האָבען געזאָלט דורכפירען אין לעבען אונזערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען.

שווערע נסיונות זײַנען באַשערט געווען אויסצושטעהן דער יונגער אידישער אויטאָנאָמיע אויף אוקראַינע. געבוירען אין די טעג פון דעם רעוואָלוציאָנערען שטורם, אין די צײַטען פון אינטענסיווע מעגליכקייטען, האָט זי באַגעגענט אויף איהר וועג שווערע מניעות סײַ דורכ'ן פאַרביטערטען אינערען קאַמף, [illegible], און סײַ אין די וואַקסענדע שאָוויניסטישע און רעאַקציאָנערע כחות אין דרויסען.

מער ווי אַ האַלב יאָר האָט די אידישע באַפעלקערונג פון אוקראַינע געלעבט אונטער דעם שוץ פון דער נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע, שאַפענדיג פאַר זיך אין דער צײַט אַ רײַהע נײַע אינסטיטוטען און נײַע פאָרמען פון נאַציאָנאַלען לעבען. די אינערע וויכּוחים און סכסוכים האָבען זיך געפירט הויפּטזעכליך אַרום דער פראַגע, ווי גרויס ס'דאַרף זײַן די קאָמפּעטענץ פון דער אויטאָנאָמיע, וואָסער געשטאַלט זי דאַרף אָננעמען, וועמען זאָל געהערען די מאַכט, אָבער קיינער פון די קעמפענדע צדדים האָט אויף קיין רגע ניט געספקט אין דער וויכטיגקייט און נויטיגקייט פון דער אויטאָנאָמיע גופא. מען האָט געגלויבט, אַז עס וועט באַלד איבערגעהן די הערשאַפט פון די צופעליגע עלעמענטען און מען וועט קענען אָנהייבען בויען ווײַטער אין פעסט, בהסכם מיט אונזער געשיכטליכען לעבענס-שטייגער.

די איבערקערעניש, וואָס האָט געבראַכט צו דער הערשאַפט נײַע פּאָליטישע כחות, האָט גלײַך געשטעלט אין אַ סכנה די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע,

ווײַל דער פּראָצעס פון ליקווידאַציע האָט אָנגענומען אַ צו שטורמישען כאַראַקטער. און וואָס פאַר אַ שייכות קאָנען דען, באמת, האָבען צו די אידען פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פּאָליטיקער, וואָס געהערען צו אַ פּאַרטיי, בײַ וועלכער די „רעאַלע פּאָליטיק" נעמט אָן אָפּט די פאָרם פון בגידה בנוגע צו די אייגענע פּרינציפּען.

און צוויי חדשים נאָכאַנאַנד האָבען מיר געלעבט אין אַ געדריקטער אַטמאָספערע. דער קריזיס פון דער אידישער אויטאָנאָמיע האָט זיך פאַרצויגען, די האַנט מיט'ן חלף איז געווען אויסגעשטרעקט. די נאַציאָנאַלע אידישע אינסטיטוציעס זײַנען געשטאַנען אין אַ סכנה. און הגם מ'האָט געפיהלט און געוואוסט, אַז דער נײַער פּאָליטישער קורס וועט זיך מסתמא ניט אָפּשטעלען פאַר דער ליקווידאַציע פון די רעכט פון די מינדערהייטען, האָט מען דאָך געגלויבט, אַז עס וועט געפונען ווערען אַנ'אויסוועג, אַז דער חיוב פון אונזערע רעכט וועט ניט פאָרקומען אַזוי אָפען און גראָב. און מ'האָט געזוכט וועגען, כמעזשוקעס.

אמת, די אידישע אויטאָנאָמיע איז ניט נעכטען געבוירען געוואָרען און ניט מאָרגען וועט זי אויסגעהן ווי אַ ליכט. זי האָט צו טיפע וואָרצלען אין פאָלק און אין אונזער גאַנצען לעבענסשטייגער. די אומה וועט ווײַטער לעבען, קעמפען און געפינען נײַע פאָרמען פאַר איהרע אויטאָנאָמע באַדערפענישען. נאָר דער קבר פון דעם צושטערטען בנין פון דער אידישער אויטאָנאָמיע רופט אַרויס פאָרט געפיהלען פון פּיין און פּראָטעסט. די אידישע קהלות וועלען מסתמא אָברופען זיך אויף דער לעצטער טאַט פון דער רעגירונג און געבען איהר די געהעריגע אָפּשאַצונג.

מיר ווילען זיך איצט דאָ ניט פאַרנעמען מיט דער פראַגע ווער איז שולדיג אין דעם, וואָס אין די לעצטע צוויי חדשים איז פּראַקטיש כמעט גאָרנישט ניט אויפגעטאָן געוואָרען, כדי צו ראַטעווען דאָס, וואָס מ'האָט געקענט אפשר ראַטעווען. ניט דאָ איז דער אָרט צו רעדען וועגען דעם, ווער עס האָט געשטערט די אַרבייט און פאַרצויגען די וואַהל פון'ם פאַרוואַלטער ביז דעם מאָמענט פון ליקווידאַציע. צו דעם ווילען מיר זיך נאָך אומקערען. דאָס זײַנען אָבער אַלץ אונזערע אינערליכע אידישע חשבונות. בנוגע צו דער אויסערער וועלט, כלפּי חוץ, זײַנען מיר אייניג, דאָ עקזיסטירט פאַר אונז אַ איינהייטליכער נאַציאָנאַלער פראָנט מיט אַלגעמיינע קאַמפּסלאָזונגען און אויפגאַבען.

מען טאָר זיך אָבער ניט שטעלען אין דער פּאָזע פון פּעסימיסטען און איבער רעוואָלוציאָנערען: אַלץ אָדער גאָרנישט, מלוכה-איינריכטונגען אָדער בכלל קיין שום אַלגעמיינע אידישע אינסטיטוציעס. פאַר דער אידישער עפענטליכקייט וועט איצט ווידער שטעהן אין איהר גאַנצער שאַרפקייט די פראַגע ווי שאַפט מען אויפ'ן אָרט פון די ליקווידירטע אַנשטאַלטען נײַע נאַציאָנאַלע איינריכטונגען, וועלכע זאָלען ערפילען אפשר די זעלבע אויפגאַבען, נאָר אין אַנ'אַנדער און בעסערער פאָרם.

איינס איז לכל הפּחות קלאָר: אַרײַנפאַלען אין יאוש און אַראָבלאָזען די הענד איז פריהצײַטיג. מען מוז אַנווענדען אַלע כחות, כדי צו פאַריכטען יענע פעהלער, וועלכע מען האָט ביז איצט געמאַכט און רעטען יענע נאַציאָנאַלע אינסטיטוטען, וועלכע מען קען ערהאַלטען אַפילו בײַ די איצטיגע פּאָליטישע באַדינגונגען. און אויף די דעמאָקראַטישע אידישע קהלות מוזען מיר זיך אָנשפּאַרען אין אונזער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע רעכט. דורך זיי און מיט זיי און דעריבער מוז מען פאַרמויצען די פאַרוואַהלען אין דער צײַטווײַליגער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, כדי צו שאַפען אַנ'אויסגעוועהלטען צענטער פאַר דער קינפטיגער אָרגאַניזאַציאָנס-אַרבייט.

אויך די געזעצען, וועלכע עס האָט געראַט בדעה אויסצואַרבײַטען דער נאַציאָנאַל-ראַט וועגען הכנסה-שטייער א. א. וו. מוזען אויסגעאַרבעט ווערען, כדי דורכצופירען זיי אויפ'ן געזעצליכען וועג און זיכערען דעם קיום פון די קהלות.

פאַר'ן פרישען קבר פון דער נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע דאַרפען די אידישע פּאַרטייען באַווײַזען, אַז זיי זײַנען פעהיג צו שטעהן אויף דער וואַך פון אידישע אינטערעסען ניט בלויז אין דער צײַט פון גרויסע מעגליכקייטען, נאָר אויך אין דער עפּאָכע פון גזירות און רדיפות.

קיעוו, דעם 10 יולי.

קיין איין ציוניסטישע שטים טאָר ניט געהען פאַרלוירען!

אַלע ציוניסטישע ראַטמענער מוזען, ווי אין מעגליך, קומען צו באַטייליגען זיך אין די וואַהלען צו דער צײַטווײַליגער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג.

אבגעשאפען די אווטאנאמיע.

דעם 8-טען יולי איז פארגעקומען א זיצונג פונ'ם איקראינישען מיניסטארען-ראט, אויף וועלכער עס איז באטראכט געווארען דער גורל פון דער נאציאנאל-פערסאנאלער אווטאנאמיע און אירע ארגאנען. ס'איז באשלאסען געווארען מבטל צו מאכען דעם געזעץ פון 9-טען יאנוואר 1918 וועגען דער נאציאנאל-פערסאנאלער אויטאנאמיע און אבצושאפען די נאציאנאלע מיניסטעריומס: דאס אידישע, גרויס-רוסישע און פוילישע.

אלע ענינים, וואס זיינען נוגע דער קילטורעלער און בילדונגס-טעטיגקייט פון די מיניסטעריומס ווערען איבערגעגעבען אין דעם אלגעמיין-מלוכה'שען בילדונגס-מיניסטעריום, די איבעריגע — דעם מיניסטעריום פאר אינערליכע ענינים.

אין פרעזידיום פון נ.-ראט.

דעם 9-טען יולי איז פארגעקומען א דרינגענדע זיצונג פון דעם פרעזידיום פונ'ם צייטווייליגען אידישען נאציאנאל-ראט צוזאמען מיט די פארשטעהער פון די פראקציעס. מ'האט באהאנדעלט די פראגע וויאזוי צו רעאגירען אויפ'ן באשלוס פונ'ם מיניסטארען-ראט וועגען די נאציאנאלע מיניסטעריומס. ס'איז באשלאסען געווארען, אז נאך ביז דער אפיציעלער ידיעה וועגען דעם באשלוס זאל דער פרעזידיום ווענדען זיך צום פארזיצער פונ'ם מיניסטארען-ראט ה' ליזאגוב מיט א מעלדונג וועגען די וואהלען פונ'ם פארוואלטער.

צוליב דער געשאפענער ערנסטער לאגע און דער נויטווענדיגקייט איינהייטליך, און געמיינזאם ארויסצוטרעטען צום שוץ פון דער אידישער אווטאנאמיע, איז די ציוניסטישע פראקציע, אין הסכם מיט די פארהאנדלונגען, וואס זיינען פארגעקומען צווישען פראקציעס, ווידער אריינגעטרעטען אין דעם פרעזידיום און באטייליגט זיך אין אלע זיינע ארויסטרעטונגען כלפי חוץ.

אינ'ם אידישען מיניסטעריום.

דאס אידישע מיניסטעריום האט נאך ניט ערהאלטען קיין שום אפיציעלע ידיעה וועגען דעם באשלוס פונ'ם מיניסטארען-ראט. דערווייל גייען די ארבייטען נארמאל. אלע דעפארטאמענטען פונקציאנירען. א דעפוטאציע פון די בעאמטע האט בדעה צו באזוכען דעם פרעמיער ליזאגוב, כדי צו אינפארמירען זיך וועגען דעם אופן פון דער ליקווידאציע.

אין נאציאנאל-ראט.

זיצונג פון 3 טען יולי.

פארזיצער ד"ר זילבערפארב.

ה' לאצקי לייענט איבער עטליכע באגריסונגען פון אידישע שטעט ווי ראדאמיסל, בעלאצערקאוו, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגען דער סכנה, וואס שטעהט איצט פאר דער אידישער אווטאנאמיע.

ה' קאפלאן טרעט ארויס מיט אנ'אנפראגע וועגען דעם, פארוואס האט די קאמיסיע וואס האט געזאלט אויסארבייטען דעם געזעץ וועגען שטייער-רעכט פון די קהלות, וועלכער ס'איז געגעבען געווארען א 10 טאגיגער טערמין, נישט אנגעהויבען אפילו צו טון אין דעם פ״ט. דער רעדנער זעהט אין דעם איין א באוואוסטזיניגען סאבאטאזש מצד דעם לינקען פליגעל, וועלכער האלט אין איין שטערען די ארבייט פון נאציאנאל-ראט. דער פרעזידיום האט זיך אפילו ניט מטריח געווען צונויפרופען די קאמיסיע.

ה' ליפעץ (בונד) איז מודה, אז די אנפראגע וועגען דער שטייער-קאמיסיע איז זייער א וויכטיגע, דאך פאדערט דער רעדנער, אז ראשית-כל זאל מען צוטרעטען צו וועהלען א פארוואלטער, וועלכער באדארף דורכפירען דעם געזעץ פון פארפארלאמענט.

ה' גראסמאן רעדט וועגען דער נויטיגקייט קודם כל צו אויסבעסערען דעם פונקט 7 וועגען דער קאמפעטענץ פון דער אידישער אווטאנאמיע. כל זמן — זאגט דער רעדנער — מיר וועלען ניט באשטימען אויף קלאר די קאמפעטענץ פון דער צייטווייליגער נאציאנאלער [illegible] און ניט וויסען צו איר באגרענעצט זי צו נעמען — קענען מיר אנדערע ארבייט ניט טהון. ביים פארטיילען מעמים קאן מען זיך דא ניט ארויסדרעהען, מיר שטעלען ווידער די איינבעסערונג אין דער פארמולירונג פון די „[illegible] אויטאנאמיע”. ווען איר [illegible] אייגענע רעזאלוציע אבווארפען, וועלען מיר [illegible] ווי איר „[illegible]” די אויטאנאמיע.

די איינבעסערונג ווערט געשטעלט צו דער אבשטימונג און מיט 30 געגען 30 ניט אנגענומען.

די פאלקס-פארטיי טראגט דאן ארײן דעם פונקט נומער 10, וואו עס רעדט זיך [illegible], אז דער פארפארלאמענט קאן אליין ארגאניזירען ענדערונגען אינ'ם געזעץ, וועלכע דער מיניסטער מוז דורכפירען דורך די אלגעמיינע געזעצגעבערישע אנשטאלטען פון לאנד.

ה' קאפלאן טרעט שארף ארויס געגען די ווערטער „געזעצגעבערישע אנשטאלטען”, וועלכע האבען לויט זיין מיינונג — די סכנה צו פארשמעלערען און באגרענעצען דעם סווערענעם רצון פונ'ם אידישען פאלק.

א טייל פון די ציוניסטען האלטען זיך אב ביי דער אבשטימונג פון דעם פונקט, א טייל באטייליגען זיך ניט און מיט א קליינער מערהייט ווערט דער פונקט אנגענומען.

מען טרעט צו צו די וואהלען פון א פארוואלטער פארן אידישען מיניסטעריום. אלע פראקציעס ווערען געבעטען אנצורופען דעם נאמען פון זייערע קאנדידאטען. קיין פארטיי רופט זיך נישט אן איבער דער פאלקס-פארטיי, וועלכע שטעלט ארויס דעם ה' לאצקי אלס א קאנדידאט פאר א פארוואלטער.

ה' לאצקי האלט א פארזיכטיגע דיפלאמאטישע „פראגראם-רעדע”, פיל מיט וואונקען צו די ביידע צדדים פונ'ם נאציאנאל-ראט. ער באלאנסירט, ווי א טענצער אויפ'ן אנגעצויגענעם דראט. נאך א הקדמה, וואס האט קיין דירעקטען שייכות ניט צו דעם עצם ענין לייענט ער פאר פון א פאפיר א ערקלערונג, אז הגם ביז איצטער זיינען אויך ניט געווען אין מיניסטעריום קיין באגרענעצונגען בנוגע צו די שפראכען, ערקלערט ער, אז ווייטער וועלען ניט דערלאזט ווערען קיין שום באגרענעצונגען בנוגע צו דער למוד-שפראך העברעאיש און אידיש. ער, דער פארוואלטער, וועט זיך באציהען מיט דער גלייכער אויפמערקזאמקייט צו אלע אידישע קילטורעלע אנשטאלטען.

ה' קאפלאן פראבירט אויסצייטשען די ווערטער פון ה' לאצקי און פרעגט, וואס עס באדייט דאס ווארט אויפמערקזאמקייט און צי וועט דער פארוואלטער געבען אויך גלייכע שטיצע אלע אידישע אנשטאלטען. די פארגאנגענהייט פונ'ם אידישען מיניסטעריום צווינגט אונז צו זיין פארזיכטיג. ה' לאצקי מוז אייך ערקלערען צי ער וועט מיטהעלפען, אז אלע אידישע אנשטאלטען זאלען אריבערגעהען אינ'ם רשות פון די קהלות.

ה' לאצקי פרובט זיך אויסצודרעהען פון א קלארער תשובה, ער באמיהט זיך צו דערווייזען, אז מיט די ווערטער „גלייכע אויפמערקזאמקייט” האט ער שוין פאלקאם קלאר געמאכט זיין באציהונג בנוגע צו אידיש און העברעאיש.

דורך א רייהע פראגען און אנפראגען ציהט מען ארויס פון ה' לאצקי די ערקלערונג, אז ער באטראכט עס פאר זעלבסטפארשטענדליך, אז אלע אידישע אנשטאלטען, אהן שום אונטערשייד דארפען אריבערגעהען אין רשות פון די קהלות, און אז אונטער אויפמערקזאמקייט פארשטעהט ער אויך שטיצע, הגם ניט קיין גלייכע, ווייל דאס וואלט שוין באטייטען א פראגראם.

עס ווערט ערקלערט א הפסקה, כדי די פראקציעס זאלען זיך בעראטען.

ה' גראסמאן ערקלערט אין נאמען פון דער ציוניסטישער פראקציע, אז די פראגראם פון ה' לאצקי און די פארם, אין וועלכער ער האט געמאכט זיינע ערקלערונגען, האבען די ציוניסטען ניט באפרידיגט. „מיר האבען זיך באמיהט ארויסצוגעפינען פון ה' לאצקי'ס ווערטער לכל הפחות דעם מינימום פון פארשפרעכונגען, וואס וואלטען אונז געגעבען די מעגליכקייט צו שטיצען זיין קאנדידאטור. אמת, ער האט איבערגעחזרט א טייל פון דער ציוניסטישער ארבייטס-פראגראם, וואס מיר האבען פארגעלעגט מיט א חודש צוריק, נאר ניט געהאט קיין מוט צו מאכען דאס אפען און קלאר. מיר וועלען זיך אבהאלטען פון צו שטימען. מיר גיבען אייך די מעגליכקייט אויסצוקלייבען א פארוואלטער, ווייל מיר האפען, אז ה' לאצקי וועט האלטען ווארט, ער וועט ערפילען זיינע הבטחות. קיין באגרענעצונגען וועלען ניט זיין. נאר וויסען זאלט איר: מיר וועלען שטעהען אויף דער וואך. מיר וועלען אייך קאנטראלירען. און אויב דער פארוואלטער וועט גיהן אין די אלטע דרכים, וועלען מיר אים באקעמפען אויפ'ן ענערגישסטען אופן און אויסדריקען אונזער אונצוטרוי. דאמאלט מעגען די סאציאליסטען שרייען וויפיל זיי ווילען סאבאטאזש און אזוי ווייטער. מיר זיינען פאר א אידישער אויטאנאמיע, מיר זיינען גרייט צו קעמפען פאר איר, אבער א צוקריפעלטע אויטאנאמיע, אנ'אויטאנאמיע מיט באגרענעצונגען דארפען מיר ניט האבען.

ביי דער אבשטימונג פון ה' לאצקי'ס קאנדידאטור שטימען „פאר” 29, געגען 8 און די איבעריגע האלטען זיך אב. לאצקי ווערט אויסגעקליבען.

עס הייבט זיך אן א סדרה דעמאגאגישע דעקלאראציעס פון די „לינקע פארטייען”, אין וועלכע איינע בלאזען און טרומייטען, אז זיי האבען „מנצח געווען” און אנדערע, אז די רעאקציע הייבט דעם קאפ און אזוי ווייטער, לויט'ן באקאנטען מוסטער.

דאס אידישע לעבען אויף אוקראינע.

אין „קולטור-ליגע".

דער צענטראל קאמיטעט פון דער „קולטור-ליגע" האט אנגענומען א באשלוס, אז אלע קאמי-טעטען פון די אבטיילונגען פון דער „קולטור-ליגע" זיינען מחויב צו בילדען ספעציעלע קאמיסיעס פאר דעם קולטור-פאנד צום אנדענק פון מענדעלע, פרץ, שלום-עליכם.

עס זיינען ארויסגעלאזען געווארען צוויי מאר-קעס א 5 און 10 קאפיקעס, וועלכע ווערען איינגע-פירט אלס א מארקע אבצאל פון אלע אונטערנע-מונגען, פארשטעלונגען, אייגענטען, קאנצערטען, מיטינגען א. א. וו. ביים באצאלען איינגאנג דארף דער פרייז פון בילעט פארגרעסערט ווערען אויף 5 ק. און ביים פרייזען איינגאנג דארף איינגעמאנט ווע-רען 10 ק.

אין גיכען וועט מען ארויסלאזען א דריטע מארקע צו 50 קאפ.

קאנפערענץ פון „המורה".

די ארגאניזאציע פון העברעאישע לערער „המורה" רופט צונויף איפן 20 יולי אין קיעוו אן׳אלאוקראינישע קאנפערענץ פון פארשטייער פון די ארטיגע ארגאניזאציעס.

די קאנפערענץ וועט עפענען דער פארזיצער פון מרכז ה׳ כהנשטאם; ח. נ. ביאליק וועט האל-טען א רעדע וועגען „אונזערע צילען און שטרע-בונגען".

אויף דער קאנפערענץ וועלען פארגעלייענט ווערען פאלגענדע רעפעראטען:

די פארוואלטונג פון די העברעאישע שולען (פ. כהן); העברעאישער גארטען (י. האלפערין); אידישע פאלקס-שול (נ. פינעס); אידישע מיטעל-שול (ד"ר י. ל. ברוך); אויסער שול-בילדונג (ד"ר טשארני); אויסבעסערען די מאטעריעלע לאגע פונ׳ם לערער (ב. לעווינצקי) און נאך אסך אנדערע.

אין ביורא פון „המורה" קאן מען זיך ווענ-דען לויטן אדרעס: קיעוו, קליין-וואסילקאווער 26. טעלעגראפיש: Kiew, Гамора.

ווער קען זיין אן אוקראינישער בירגער.

די צענטראלע ראדע האט אנגענומען א געזעץ, וואס איז באשטעטיגט געווארען פונ׳ם סענאט, אז פאר בירגער פון אוקראינע ווערן פאררעכנט אלע רוסלענדישע אונטערטאנען, וואס האבען זיך געפינען

אין אוקראינע בעת דער דאזיגער געזעץ איז ארויס-געגעבען געווארען. די רוסלענדישע בירגער, וואס ווילען נית ווערען קיין אוקראינישע בירגער, דאר-פען מעלדען וועגען דעם, דעם ארטיגען סטאראסטע אין פארלויף פון א חודש כדי זיי זאלען פארשריבען ווערען אלס אונטערטאנען פון איינלענדישע מלוכית. די דאזיגע מענשען דארפען באקומען פון זייע-רע רעגירונגען א פאספארט און ביז זיי וועלען דעם פאספארט ערהאלטען דארפען זיי זיך באזארגען מיט א באשטעטיגונג פונ׳ם ארטיגען סטא-ראסטע וועגען וואוין-רעכט.

געבוירענע אין אוקראינע, וואס וואוינען שטענ-דיג אין אויסלאנד, און וואס ווילען נית בלייבען אוקראינישע בירגער, דארפען מעלדען וועגען דעם אין משך פון א יאר. די פערזאנען, וואס זיי אליין אדער זייערע עלטערען האבען געוואוינט אין אוקראינע, נאר זיי זיינען דא נית געווען בעת דער געזעץ איז פארעפענטליכט געווארען, קאנען אין משך פון א יאר אנגעבען א מעלדונג, אז זיי ווילען ווערען אוקראינישע בירגער.

דעם אוקראינישען בירגער ווערט פארבאטען צו זיין גלייכצייטיג אויך א בירגער פון א צווייטער מלוכה.

פארמאכט די „נייע צייט".

די דייטשע קאמאנדאנטור אין קיעוו האט מי-דיע געווען דער רעדאקציע פון „נייע צייט", אז צוליב דער דייטש-פיינדליכער ריכטונג פון דער צייטונג ווערט זי פארמאכט אויף צוויי וואכען. נאך דעם ווי דער רעדאקטאר פון דער צייטונג האט געגעבען א חתימה, אז ער וועט נית ארויסלאזען די צייטונג, איז די דרוקעריי באפרייט געווארען.

א נייע פארטיי.

די טעג איז אין קיעוו פארגעקומען א באראַ-טונג פון דער נית לאנג געשאפענער „אידישער פראגרעסיווער דעמאקראטישער פארטיי" צוזאמען מיט די פארשטייער פון דער אדעסער „פאלקס-גרופע". אויף דער דאזיגער באראטונג האבען זיך די ביידע ארגאניזאציעס צונויפגעגאסען אין איין אלאוקראיני-שע ארגאניזאציע אונטער׳ן נאמען „אידישע פרא-גרעסיווע פאלקס פארטיי".

אין דער באראטונג האט זיך באטייליגט אויך ה. ב. [illegible], וועלכער איז געקומען [illegible] אויף [illegible].

צווישען די אנגענומענע החלטות זיינען 3 פונ-קטען וועגען נאציאנאלע פערסאנאלער אווטאנאמיע, שפראכען-פראגע און אזוי ווייטער. די נייע פארטיי האט בדעה ארויסגעבען אמעגליך בלאט אין רוסיש און א וועכענטליכער אין אידיש.

די נייע קהלות.

אין קיעווער קהלה-ראט.

אויף דער זיצונג פון 16 יוני איז אנגענומען געווארען דער פראיעקט פון דער פינאנץ קאמיסיע מעגען זעלבסט-שטייער.

לויט׳ן פארשלאג פון ה׳ רעוואיצקי (פ"צ) איז איבערגעגעבען געווארען דער פינאנץ-קאמיסיע אויס-צוארבעטען א פראיעקט פון אן׳אבליגאציאנס-הלואה.

די סאניטארע קאמיסיע פונ׳ם קיעווער קהלה-ראט האט באשלאסען צו עפענען אין קיעוו 4 אמבולאטאריעס: אויף פאדאל, נאוואסטראיעניע, אי-דישער מארק.

אויף דער זיצונג פון 23 יוני איז באטראכט געווא-רען דער באריכט פון דער „רעליגיאנס-קאמיסיע, וועלכע האט צוגעשטעלט א בודזשעט פון 344 מיליאנען רובל.

די סאציאליסטישע פארטייען האבען קריטי-קירט דעם באריכט און ענדליך ערקלערט, אז זיי וועלען שטימען נעגען באשטעטיגען דעם בודזשעט. איבערהויפט האבען זיי זיך ארויסגעזאגט געגען דעם גרויסען געהאלט די רבנים.

די פאלקס-פארטיי האט אויך אנגענומען א נעגאטיווע פאזיציע בנוגע צו דער רעליגיאנס-קא-מיסיע.

די קאמיסיע ביי דער קהלה צו העלפען די געליטענע פון דער שרפה אויף פאדאל איז מודיע דער באפעלקערונג פון קיעוו, אז זאמלונגען לטובת די געליטענע נשרפים אויף פאדאל וועלען זיין אר-גאניזירט ספעציעל דורך דער פינאנץ-סעקציע ביי דער קאמיסיע. די מיטגלידער פון דער סעקציע, וואס וועלען זיך באשעפטיגען מיט זאמלען געלט, וועלען האבען ביי זיך קוויטאנציאנס-ביכלעך מיט זאמעל-בוינגען, אויף וועלכע עס וועלען זיין חתימות: 1) פון דעם פארזיצער פון דער קהלה-קאמיסיע און 2) פון דעם פארזיצער פון דער פינאנץ-סעקציע.

אין אדעסער קהלה-ראט.

דער אדעסער קהלה-ראט האט שוין אבגעהאל-טען עטליכע זיצונגען און צו קיינע פאזיטיווע רע-זולטאטען איז מען דערוויל נאך נים געקומען. אפילו א שטענדיגען פרעזידיום האט מען נאך אויך נים איינגעקליבען.

אויף דער זיצונג פון 12 יוני, וועלכע איז פאר-געקומען אונטער׳ן פארזיץ פון א. בראדסקי, האט די פראגע פון לייענען די פראטאקאלען פון די פריהעריגע זיצונגען ערוועקט זעהר הייסע דעבא-טען. ה׳אוסישקין פאדערט אין נאמען פון דער ציוניסטישער פראקציע, אז די פראטאקאלען זאלען געפירט ווערען אויך אין העברעאיש. דאן פאדערט ה׳ לאזאראוויטש, אז זיי זאלען געפירט ווערען אויך אויף ריכיש. אקעגען די דאזיגע פארשלאגען איז פון לינקס ארייגעטראגען געווארען אן׳אנדער פאר-שלאג: בערמאן (בונד) צו אבשטימען פריהער, ווער פארשטעהט נים קיין אידיש און ערשט דאן שטימען די איבעריגע מאנטע פארשלאגען.

מיט א מעהרהייט ווערען אנגענומען די פאר-שלאגען פון אוסישקינען און לאזאראוויטשען.

וכוהים האט אויך ארויסגערופען דער ציוניס-טישער פארשלאג צו פירען די דאטעם לויט׳ן אידישען לוח.

לסוף איז באנדעלט געווארען די פראגע וועגען פאגראמען אין פארשידענע שטעט, און ס׳זיינען באערט געווארען מיט אויפשטעהען דער אנדענק פונ׳ם סאווראנער פארזיצער פון קהלה-ראט, וועלכער איז דערהרגעט געווארען.

ס׳איז אויך אנגענומען געווארען א באשלוס צו פאראייניגען זיך צו דער פראטעסט-רעזאלוציע פון קיעווער קהלה-ראט וועגען דער אנעקסיע פון בעסאראביע.

אין ניעזשינער קהלה-ראט.

זונטאג דעם 15 יוני איז דא פארגעקומען די פייערליכע קהלה-ערעפנונג. די זיצונג האט געעפענט דער פארזיצער פון דער טעכנישער קאמיסיע ה׳ שניאורסאן (ציוניסט) וועלכער האט תארם בא-גריסט די ראטמענער און אנגעוויזען אויף די שווערע תנאים, ביי וועלכע די נייע קהלה ווערט איצט געבוים.

פאר פארזיצער איז אויסגעקליבען געווארען ה׳ שניאורסאן (ציוניסט).

דערנאך זיינען מיט כבוד דערמאנט געווארען אונזערע גריסע קעמפער: שטשעגאוו, יאקיבסאן, באראכאוו, פלעהאנאוו.

עס זיינען איבערגעלייענט געוואָרען דעקלאַראַציעס: פון אחדות, בונד, ציוניסטען, פּועלי-ציון. די ציוניסטישע דעקלאַראַציע איז געלייענט געוואָרען אין ביידע שפּראַכען: אידיש און העברעאיש. אין דער דעקלאַראַציע איז אָנגעוויזען געוואָרען, אַז די קהלה דאַרף זיין ניט נאָר אַ טריבונע אויף צו רעדען, נאָר מער ווירקליכער אָרגאַן פאַר פּראַקטישע מעשים.

„מיר וועלען פאָדערען פון דער קהלה קעמפען פאַר דער איינהייט פון דעם וועלטליכען אידענטום. די קהלה דאַרף זיין דער איינציגער פאָרשטעהער פון דער באַפעלקערונג. איבערצייגענדיג פון שטאַנדפּונקט, אַז די איינציגע נאַציאָנאַלע שפּראַך פון אידישען פאָלק, די שפּראַך פון עבר און עתיד, די שפּראַך, וואָס זי איז געבוירען געוואָרען צוזאַמען מיט דעם אידישען פאָלק, די שפּראַך אויף וועלכער עס איז געשאַפען געוואָרען אונזער אַלט-נייע קולטור, די שפּראַך, וואָס פאַראייניגט דאָס אידענטום פון אַלע עקען וועלט, די העברעאישע—וועלען מיר קעמפען, אַז די שפּראַך זאָל פאַרנעמען דעם הערשענדען אָרט אין לעבען פון קהלה און אַלס לעבעדיגע שפּראַך אין די שולען. מיר וועלען שטאַרק און ענערגיש פאָדערען, אַז די קהלה זאָל טראַכטען וועגען דעם גרויסען בנין פון אידישען פאָלק, וואָס די בעסטע זין פון פאָלק בויען אים עטליכע צענדליגע יאָר—דאָס איז גרינדען אַ אידישען נאַציאָנאַל-פּאָליטישען צענטער אין אונזער היסטאָרישע לאַנד, וואָס די גאַנצע אידענטום קאָן דאָס לאַנד ניט פאַרגעסען און וואָס ביי יעדען אידען טיף, טיף אין האַרצען ברענט און פלאַקערט אַ פייער פון ליבע צום היסטאָרישען אידישען לאַנד—ארץ ישראל, דאַרף די קהלה אַלס אַ חלק פון אַלטוועלט-[illegible] אידענטום שטאַרק העלפען דער דאָזיגער ריזיגער אַרבייט. מיר פאָדערען, אַז די קהלה זאָל באַפרידיגען אַלע רעליגיעזע באַדערפענישען פון [illegible], וועלכע זיינען אַזוי אייניג צוזאַמען געבונדען מיט דעם פאָלק, די קהלה דאַרף [illegible] בעסערען דעם עקאָנאָמישען מצב פון פאָלק, די קהלה דאַרף העלפען פאַרגרעסערען די עמיגראַציע פון אונזערע ברידער, די קהלה דאַרף פאַרשפּרייטען [illegible] אין איבער-שול-בילדונג. מיט איין וואָרט—די קהלה דאַרף באַפרידיגען אַלע באַדערפענישען פון דער אידישער באַפעלקערונג אין אינגאַנצען.“

ווינניצע.

אויף דער זיצונג פון ווינניצער קהלה-ראַט דעם [illegible] יוני האָט מען באַדאַרפט קלייבען אַ פּרעזידיום און פאַרוואַלטונג. צוליב דעם וואָס עס איז אינגענימען געוואָרען אַ רעזאָלוציע (די ציוניסטען זיינען אין דער מערהייט), אַז די אָפיציעלע שפּראַך איז העברעאיש, האָבען די לינקע פאַרטייען זיך אָבגעזאָגט צו נעמען אנטייל אין פּרעזידיום.

די וואַהלען זיינען אָבגעלעגט געוואָרען.

קרעמענטשוג.

שוין אויף עטליכע זיצונגען פון קהלה-ראַט ווערט באַטראַכט די פראַגע וועגען פּראָגרעסיווען הכנסה-אבצאַל. נאָך לאַנגע דעבאַטען איז אָנגענומען געוואָרען פאָלגענדער מאָדוס: ביז 3600 רוב.— ⅛% אָהן אַ צוואַנג; פון 6000 — ¼% מהיב; 7200—⅜%; 8400—⅝%; 9600—⅞; 10800—1⅛% (121 ר. 50 ק.); 12000—1¼% (150 ר.); 15000—1½% (225 ר.); 18000—[illegible] (325 ר.); 21000—2% (420 ר.); 24000—2¼% (540 ר.) א. א. וו.

די קרעמענטשוגער גבירים האָט זיך איינגעגעבען דורכפירען, אַז נאָר 60% פּנים אבצאַל זאָל געהן אין גאַנצען רשות פון קהלה-ראַט, 20% — לויט׳ן ווילען פון די צאָלער און 20% אויף די ישיבות און בתי-מדרשים.

אסטיאר, טשערניגאָווער גוב.

די צווייטע זיצונג פּנים קהלה-ראַט איז ניט פאָרגעקומען, ווייל די קהלה-ראַטמענער פון צעטל „אחדות“ האָבען זיך געווענדעט צום איקראַינישען קאָמענדאַנט מיט אַ ביטע ניט צו דערלאָזען דעם קהלה-ראַט אַרבייטען, ווייל ער איז אַ אומגעזעצליכער אנשטאַלט, און וועלכען די פּועלי-ציון באַלשעוויקעס ווילען אַריינפירען אויף די גבירים פון שטאַט קאָנטריבוציע.

זיי בעטען אַרעסטירען די פּועלי-ציון פון שטאַט.

מען האָט געמאַכט ביי די פּ"צ אַ איבערזוכונג, אַרעסטירט איינעם פון זיי און נאָכדעם אַרויסגעלאָזט.

פּאָלטאַווע.

דעם 23 יוני איז פאָרגעקומען די ערשטע, „פייערליכע“, זיצונג פּנים נייאויסגעוועהלטען קהלה-ראַט. די זיצונג איז דורכגעגאַנגען זעהר שטירמיש מיט אַ סך אינצידענטען, אַ בעריידעט צוליב דער שפּראַכענפראַגע און צוליב דער פאָדערונג פון די סאָציאַליסטען, אַז די קהלה דאַרף זיין אַ וועלטליכע.

דעם [illegible] קהלה-ראַט האָבען באַגריסט: אין נאָמען פון דער שטאָט פאַרוואַלטונג—דער נאַלאַיוט סעקרעטעריאַט, פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע —ה׳ מ. הינדעס, וועלכער האָט אגב געזאָגט: „אַס

יאָרען האָט דער אידישער געזעלשאַפטליכער געדאַנק געקעמפט פאַר דער אידעע פון אַ אידישער קהלה. פאַר משוגעים האָט מען אין די 90-דיגער יאָרען געהאַלטען די, וועלכע האָבען געפאָדערט די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזירונג פון אידענטום אין גלות. די ציוניסטען, וועלכע האָבען די ערשטע פּראָקלאַמירט דעם לאָזונג פון אַ אידישער מלוכה אין פּאַלעסטינע, האָבען אין 1879, אויפ׳ן ערשטען באַזעלער קאָנגרעס, פּראָקלאַמירט די אָרגאַניזאַציע פון אידענטום אין די גלות-לענדער.

די אַלגעמיינע פּאָליטישע קאָניונקטור איז ניט גינסטיג פאַר די ניי געבוירענע קהלות. עס ווערען געשאַפט אַ שורה שטערונגען פאַר דער נאָרמאַלער אַרבעט פון די קהלות. די קהלות וועלען אָבער זיין אונזערע פעסטע פאַרפאַסטען אין די מיטגלידער פון די קהלות וועלען זיין דער אַוואַנגאַרד אויף די קאַמף-פּאָזיציעס פאַר דער אידישער אויפלעבונג.

נאָר אַפילו בייקומענדיג אַט די אַלע שטערונגען וועלען מיר ניט גיבור זיין די באַדערלאָזונג קעמפ פון גר"ה“.

— עס איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון סעניאָרען-קאָנווענט צו באַטראַכטען די שפּראַכענפראַגע. די זיצונג איז געווען זעהר שטורמיש און צו קיין אייניגונג איז מען נישט געקומען.

אין אירקוטסקער קהלה-ראַט.

[illegible] דעם [illegible] יוני איז פאָרגעקומען די ערשטע [illegible] זיצונג, די זיצונג האָט געעפענט דער פאָרזיצער פון דער [illegible] ה׳ [illegible]. אַלס פאָרזיצער איז [illegible] געוואָרען ה׳ [illegible] (פאָרזיצער פון [illegible]) פאַר [illegible] זיינען [illegible] געוואָרען ה׳ [illegible] (ציוניסט) ה׳ [illegible] בונד.

[illegible] וואָס די ציוניסטען זיינען אַ [illegible], זיינען דער פּרעזידיום אין פאַרוואַלטונג [illegible] געוואָרען [illegible] דער פּראָפּאָרציאָנעלער סיסטעם. פּרעזידיום: פאַר [illegible] וויצע-פאָרזיצער [illegible] און [illegible].

פאַרוואַלטונג: פאָרזיצער [illegible] אחדות מיטגלידער [illegible] (ציוניסטען), פרידמאַן (בונד) און [illegible] פאַר [illegible].

[illegible], וואָר. גוב.

די ערשטע זיצונג פון קהלה-ראַט איז פאָרגעקומען דעם [illegible] יוני. צוליב די [illegible] פון בונד האָט מען אויף דער ערשטער זיצונג ניט געקאָנט [illegible] פון פּרעזידיום און [illegible] מיטגלידער פון דער [illegible].

[illegible], וואָר. גוב.

דער נאַטשאַלניק פון מיליציע, אַרקאַדיעוו, האָט גע[illegible] דעם פאָרזיצער פון קהלה-ראַט און דראָהענדיג מיט אַרעסט, האָט ער געפאָדערט פון איהם פונאַנדערלאָזען די קהלה. דער פאָרזיצער האָט איהם פאָרגעשלאָגען איבערגעבען זיין באַפעהל אין אַ שריפטליכער פאָרם. דאָס צו טאָן האָט זיך דער נאַטשאַלניק אָבגעזאָגט, דערביי האָט ער אונטערגעשטריכען, אַז זיין באַפעהל מאַכט ער אַלס אַן אָפיציעלע פּערזאָן.

ארץ ישראל.

די פאַרוואַלטונג פון פּאַלעסטינע.

פון קאָפּענהאַגען ווערט מיטגעטיילט, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט באַשטימט אַלס העכסטען-פּראָקוראָר פון פּאַלעסטינע דעם ציוניסטישען אָנפירער אין ענגלאַנד נאָרמאַנד בענטוויטש, דער פאָרזיצער פון דעם ציוניסטישען אָרדען „מכבי“.

פּאַלעסטינישע פּאָליטעכנישע געזעלשאַפט.

די פּאַלעסטינישע פּאָליטעכנישע געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך ניט לאַנג געגרינדעט אין מאָסקווע שטעלט זיך דעם ציל מיט צו ווירקען דער טעכנישער און עקאָנאָמישער אויסבויאונג פון פּאַלעסטינע און אַנטוויקלען אין איר ערד אַרבעט, לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע“.

אַצינד איז ביי דער געזעלשאַפט געגרינדעט געוואָרען אַ גאַנצע ריי פון סעקציעס: בוי-סעקציע, בערג-סעקציע, וועג-סעקציע א. אַ.

די געזעלשאַפט גרייט זיך צו שיקען אַ וויסענשאַפטליכע עקספּעדיציע קיין ארץ ישראל.

אין מאָסקווע ווערען געגרינדעט קורסען אויף צוגרייטען ספּעציאַליסטען פאַר בוי-אַרבעטען.

בכלל ווייזט די געזעלשאַפט אַרויס אַ גרויסע טעטיגקייט און ענערגיע.

געזעלשאַפט פון אידישע דאָקטוירים צו אויספאָרשען פּאַלעסטינע.

אין מאָסקווע איז פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג פון קאָמיטעט פון „דער געזעלשאַפט פון אידישע דאָקטוירים צו אויספאָרשען פּאַלעסטינע“. אויף דער זיצונג איז קאָנסטרואירט געוואָרען פאָלגענדער פּרעזידיום: פאָרזיצער—גרוואַס-דאָצענט ל. ראָזענטאַל, געהילף-פאָרזיצערס—פּראָפ. וו. מינץ און ד"ר עלקינד, קאַנצעלער—ד"ר מאַלקאַטשעווסקי, סעקרעטאַרען: ד"ר א. ראָזענטאַל, ד"ר מ. פּעקער, ד"ר רקח און ד"ר פעלדמאַן.

די פּ.-צ. און דער ציון-קאָמיסיע.

די ענגלישע רעגירונג האָט מסכים געווען, אַז אין דער ציוניסטישער קאָמיסיע, וועלכע געפינט זיך

איצט אין ארץ-ישראל און באטייליגט זיך אין דער ווידער אויפבויאונג פון ישוב זאלען אריינגעהען אויך דריי פארשטעהער פון די פועלי-ציון צו אַהבעם פון די רוסישע, ענגלישע און אמעריקאנישע. אלס פארשטעהער פון די רוסישע פ.־צ. איז באשטימט דער ה׳ קאפלאַנסקי.

דאס אידישע מיליטער אין ארץ-ישראל.

דאס אידישע קארעספאנדענץ-ביורא האט באקומען א ידיעה פון יפו, אז דאס אידישע פאלק אין ארץ-ישראל האט איינגעהאלטען זיין „פייער-פראבע“. דער אידישער לעגיאן האט זיך מוטיג געשלאגען. די קאמאנדירען דריקען אויס זייער באוואונדערונג איבער די אונשראקענהייט, פעסטקייט און מוטיגקייט, וועלכע עס האבען ארויסגעוויזען די אידישע מיליטער-אבטהיילונגען. דאס אידישע פאלק האט זיך ניט נאר באפעסטיגט אויף זיינע פאזיציעס, נאר אויך פארנומען א נייע פאזיציע.

קאלאניע אויף ד״ר טשלענאוו׳ס נאמען.

דער אקציאנס-קאמיטעט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע האט באשלאסען צו גרינדען אין ארץ-ישראל א קאלאניע אויפ׳ן נאמען פונ׳ם ד״ר טשלענאוו, צו וועלכען צוועק עס דארף קודם כל צונויפגענומען ווערען א סומע פון א מיליאן פראנק.

דער ד״ר טשלענאוו האט געוויס פארדינט, אז יעדערער זאל זיך באטייליגען אין דער סומע און איבערהויפט דארפען די רייכע געבען יעדער צו 5000 פראנק אויף צו קויפען 100 דונאם ערד.

די קאלאניע, ווי יעדער ערד פונ׳ם נאציאנאל-פאנד, וועט זיין אייף שטענדיג דאס אייגענטום פונ׳ם אידישען פאלק.

יק׳א און די קאלאניזאציע פון א״י.

אויף דער לעצטער זיצונג פון דער אידישער קאלאניזאציאנס געזעלשאפט (יק״א) איז אנגענומען געווארען א באשלוס אפצושטעלען די קאלאניזאציאנס ארבייט פון דער געזעלשאפט אין ארגענטינע און איבערטראגען איר גאנצע טעטיגקייט: אלע אירע קאפיטאלען דארפען געווענדעט ווערען קיין פאלעסטינע, וואו עס זיינען געשאפען געווארען זעהר גינסטיגע באדינגונגען פאר דער אידישער קאלאניזאציאנס ארבייט.

א אידישע סאנאטאריום.

פון פענזע איז ערהאלטען געווארען א ידיעה, אז אנ׳אומבאוואוסטע פערזאן האט מנדב געווען איינע הונדערט טויזענט רובל אויף צו גרינדען א אידישע געזעלשאפטליכע סאנאטאריום אין פאלעסטינע.

בראש פונ׳ם סאנאטאריום וועט שטעהן ד״ר צימקין.

לטובת פאלעסטינא.

די דייטשע אגענטור מעלדעט, אז אין ענגלאנד ארבייטען איצט איבער 50 קאמיטעטען לטובת דעם פאלעסטינע-פאנד. פון אלע טיילען פון דער וועלט קומען אן זעהר גרויסע סומען.

די פאדערונגען פון די ניו-יארקער אידישע ארבייטער.

די פאראייניגטע אידישע פראפעסיאנאלע פאראיינען אין ניו-יארק, וועלכע מאכען אויס א צאל פון העכער 200 000 מיטגלידער, האבען אנגענומען א רעזאלוציע, וועלכע פאדערט אז דער קומענדיגער שלום-אפמאך זאל געבען בירגערליכע און נאציאנאלע רעכטע פאר אלע אידען. דאן זאל ער גאראנטירען די גרינדונג פון א אידיש-נאציאנאלער היים דורך פרייער קאלאניזאציע אין ארץ-ישראל, וועלכע זאל ווערען א זעלבסטשטענדיגע מלוכה.

די באנען אין ארץ-ישראל.

די עגיפטישע באנפארוואלטונג מאכט בעקאנט, אז פון 15 מאי האט זיך אנגעהויבען דער דירעקטער באהנפערקעהר צווישען קאירא און ארץ-ישראל. דפ׳ זה האט ענגלאנד אהין דער ניי איינגעבויטער בריק איבער׳ן סועצקאנאל, וועלכער איז פאר זיך אליין א וואונדער, געלעגט רעלסען אין דער מדבר-געגענד פון 300 קילאמעטער לענג. דערמיט האבען די 2 וועלטטיילען אפריקא און אזיען באקומען א דירעקטע באהנפערבינדונג. די באהן אין ארץ-ישראל איז אביסעל שמאלער ווי אין מצרים.

די ציוניסטישע באוועגונג.

קהלה-אבטיילונג.

ביים צענטראל-ביורא פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע איז געגרינדעט געווארען א ספעציעלע קהלה-אבטיילונג, וועלכע האט שוין צוגעשיקט א ספעציעלען צירקוליאר. די אויפגאבען פון קהלה-אבטיילונג איז: 1) אנפיהרען מיט די וואהלען אין די ערטער, וואו זיי זיינען נאך ניט פארגעקומען, 2) זאמלען ידיעות וועגען באשטאנד פון די שוין געוועהלטע קהלות, 3) צושטעלען די ציוניסטישע פראקציעס אין די עקזיסטירענדע קהלות אנווייזונגען און דירעקטיוון וועגען זייער טעטיגקייט און פאליטיק, 4) צוגרייטען פאר די ציוניסטישע פראקציעס אין

עקאנסטרואירטען נאציאנאל-ראט און קינפטיגען פאר-פארלאמענט מאטעריאלען און געזעץ-פראיעקטען.

די קהלה-אבטיילונג רופט ענערגיש אלע חברים תיכף דורכפיהרען די וואלן אומעטום, וואו זיי זיינען נאך ניט פארגעקומען און זיך ניט אונטערגעבען צום געפיהל פון יאוש און ספיקות, וועלכער גנב׳עט זיך [illegible] אריין ביי דער איצטיגער פאליטישער לאגע. מען טאר ניט פארלירען דעם גלויבען אינ׳ם כח פון דעם, וואס איז געבויט מיט אונזערע איגענע כחות. דערום קאן די הצלה פאר דער נאציאנעלער אויטאנאמיע קומען נאר פון די קהלות. צום סוף ווערט אונטערגעשטריכט, אז ווי ס׳ווייזט זיך אויס, געפינען זיך די קהלות דערווייל ניט אין סכנה, אויך דאס אידישע מיניסטעריום זעצט פאר זיין ארבייט.

פאראיין „הקלאי“.

דער פאראיין פון שטודירענדע ציוניסטען-אגראנאמען „חקלאי“ האט געעפענט אנ׳אגראנאמישע ביבליאטעק און בעטען יעדען מיטפילענדען קומען צו הילף מיט ביכער.

„הקלאי“ גיט ארויס ידיעות וועגען אנקומען אין אלע קיעווער העכערע און מיטעלע לאנדווירטשאפטליכע שולען. אייף ענטפער דארף מען צולייגען 3 רובל מארקעס,

אדרעס: Кіевъ, Хоревая 14 кв. 10.
Студенту-агроному Б. Левину для «Хаклон».

צו אלע חברים.

דעם אוקראינער הילפס-ביורא פון אידישען נאציאנאל-פאנד האט זיך נאך גרויס מיה איינגעגעבען באקומען מאטעריאלען פאר די נאציאנאל-פאנד קאמיטעטען ביי די שטאט-קאמיטעטען. צווישען די מאטעריאלען געפינען זיך זעהר שיינע מארקען און בילדער.

די אלע מאטעריאלען זענען צוגעשיקט געווארען אלע קאמיטעטען אין ספעציעלע פאסילקעס מיט א נאכנאמע, ווייל פאר זיי האט דאס הילפס ביורא אפגעצאהלט מיט מזומן געלד.

מ׳בעטען די חברים אין די ערטער ווי די מאטעריאלען זענען נאך ניט איינגעקויפט דרינגענד דאס טון.

„דאס פאלק“.

ווי מען גיט אונז איבער, הייבט אן אין נעבען ערשיינען אין קיעוו א טעגליכע ציוניסטישע צייטונג „דאס פאלק“. עס זיינען אנגענומען געווארען שריט כדי צו פארזארגען דאס נייע בלאט מיט אלע נויטיגע טעכנישע מיטלען.

אלאוקראינישער צוזאמענפאר.

אויף דער לעצטער זיצונג פונ׳ם צענטראל-ביורא פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אויף אוקראינע איז באשלאסען געווארען צונויפרופען אן אלאוקראינישען ציוניסטישער צוזאמענפאר אין חודש אווגוסט. דאס רעכט צו וועהלען דעלעגאטען וועלען האבען נור יענע שקל-צאלער, וועלכע האבען איינגעצאלט זייער שקל פאר׳ן יאר 1918. ס׳איז אנגעוויזען געווארען די חברים אויף די ערטער, אז שקלים דארפען פארקויפ׳ט ווערע נור יענע פערזאנען, וועלכע ערקלערע, אז זיי ווילען ווערען מיטגלידער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און זיינען מסכים מיט דער באזעלער פראגראם.

אינ׳ם סדר-היום פונ׳ם צוזאמענפאר געפינען מיר כמעט אלע וויכטיגסטע פראגען פונ׳ם ציוניסטישע און אלגעמיין אידישען לעבען.

פאלעסטינע-וואך.

דאס צענטראל-ביורא פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אויף אוקראינע האט באשלאסען איינצוארדענען די פאלעסטינער וואך אויף אוקראינע אין משך פון 2—9 אווגוסט. די פארבערייטונג׳ס ארבייט איז איבערגעגעב׳ן געווארען א ספעציעלער קאמיסיע, וועלכע האט אויסגעארבייט א גראנדיעזע פראגראם פון דער פאלעסטינער וואך. די טעג וועט וועגען דעם צוגעשיקט ווערען אלע קאמיטעטען א ספעציעלער צירקוליאר.

ארגאניזאציאנס-ארבייט.

אין דער לעצטער צייט האט דאס צענטראל-ביורא פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אויף אוקראינע אנגענומען ענערגישע מיטלען, כדי צו פארשטארקען די ארגאניזאציע אויף די ערטער. אין פארשידענע ערטער ווערען צו דעם צוועק צונויפגערופען ראיאן-צוזאמענפאר׳ן, איינגעארדענט ראיאן-ביורא א. א. וו.

אין איינעם פון די לעצטע צירקוליארען ווערען אלע קאמיטעט׳ן גערופען תיכף איבערשיקען דעם צענטראל-ביורא אוואנס-סומען אויף׳ן חשבון פון דעם פראגרעסיוו׳ן פארמיי שטייער, וועלכער דארף אונבאדינגט תיכף דורכגעפירט ווערען. דער אוואנס דארף אריינגעשיקט ווערען אין אנ׳ערך פון 5 רוב. פאר א חבר.

אין דער אידישער וועלט.

רוסלאנד.

אנטיסעמיטיזם.

אין פעטראגראד האט די אויסערגעוועהנליכע קאמיסיע צו קעמפען מיט דער קאנטר-רעוואלוציע געפונען ביי איינעם א גאנצע רייהע דאקומענטען, וואס באווייזען, אז אין פעטראגראד עקזיסטירט א ארגאניזאציע, וועלכע האט זיך געשטעלט פאר א צוועק ארויסצורופען אנ'אויפשטאנד, כדי אראבצווארפען די ראטען-מאכט.

עס זיינען אויך געפונען געווארען פראקלאמאציעס, וועלכע געהען כלומר'שט ארויס פון אנ'אידישער ארגאניזאציע, און וועלכע די אידען ווערען גערופען נישט ארויסצוטרעטען געגען דער ראטען-מאכט, ווייל אין דער איצטיגער רעגירונג געפינט זיך די גאנצע מאכט אין זייערע הענט, זיי פארנעמען די וויכטיגסטע מלוכה-שטעלעס (טראצקי, זינאוויעוו א. א. וו.).

עס איז קיין ספק ניט, אז צווישען די פארשווערער שפילען אנ'אנפירענדע ראלע די אנטיסעמיטען.

דער ראט פון די פאלקס-קאמיסארען אין מאסקווע און מאסקווער קרייז האט באשלאסען: 1) באפעהלען אלע ראטען אויפצוקלערען די ארבייטער-מאסען די באדייטונג און באציהונג פונ'ם אנטיסעמיטיזם בנוגע דער רעוואלוציע דורך פארלעזונגען און געהעריגע אויסגאבען; 2) ענערגיש באקעמפען די פאגראם-באוועגונג; 3) באפעהלען יעדען ראט אבצוהאלטען א עקסטרא-זיצונג, געווידמעט ספעציעל דער דאזיגער פראגע; 4) איינפירען א קאנטראל איבער דער אגיטאציע פון די גלחים; 5) באפעהלען דער קאמיסיע, וועלכע ווערט אנגעפירט דורך דזיערזשינסקי, אנצונעמען מיטלען צו באקעמפען די פאגראם-אגיטאציע; 6) ארויסצוגעבען א געהעריגען אויפרוף צו די ארבייטער-מאסען; 7) באפעהלען דעם רעדאקציאנס-קאמיטעט פון דער „איזוועסטיא", אנצוהויבען די נייטיגע אנטיאגיטאציע און 8) צוזאמען מיט'ן קריגס-קאמיסאר אננעמען א רייהע פארהיטונגס-מיטלען.

ארעסטירט דאבקאווסקי'ן.

לויט'ן באשלוס פון אויספארשונגס-קאמיסיע איז ארעסטירט געווארען דער געהילפס-קאמיסאר פאר אידישע ענינים דאבקאווסקי.

בונד און ארץ-ישראל.

אויף א פארזאמלונג פון „בונד" אין פעטראגראד האט ה' ווייגרייך געלייענט א רעפעראט וועגען ארץ-ישראל. אנווייזענדיג אויף די גרויסע נצחונות פונ'ם ציוניזם צווישען די פאלק-מאסען, האט דער רעפערענט ארויסגעזאגט די מיינונג, אז מען דארף איבערקוקען די בונדיסטישע פראגראם אין דעם זין, אז מען זאל זיך אנהייבען מער אינטערעסירען מיט ארץ-ישראל און שאפען א ליטעראטור וועגען פאלעסטינע.

אין די דעבאטען האט גענומען אנטייל ה' זאסלאווסקי, וועלכער האט ארויסגעזאגט די מיינונג, אז הגם דער ציוניזם איז בלויז א נאציאנאלע ראמאנטיק, דאך וועט דעם „בונד" אויסקומען מיט אט דער ראמאנטיק זיך ערנסט צו רעכענען.

סאמארער ארגאניזאציע פון „בונד".

די אלגעמיינע פארזאמלונג פון דער בונדיסטישער ארגאניזאציע אין סאמארע האט באשלאסען אין צוזאמענהאנג מיט די החלטות פון 8-טען צוזאמענפאר פון „בונד" ארויסצוטרעטען פון דער פארטיי און שאפען אנ'ארגאניזאציע אונטערן נאמען „לינקער בונד", וואס וועט שטעהן אויף דער פלאטפארם פון דער ראטען-מאכט.

אידישע מיליטער-אבטיילונגען.

אונטער דער אנפיהרונג פונ'ם קאפיטאן טרומפעלדאר (דעם פיהרער פונ'ם אידישען לעגיאן אויף גאליפאלי) איז אין פעטראגראד געבילדעט געווארען פון אלע אידישע אפיצירען און סאלדאטען א אידישע מיליטער-אבטיילונג. אזעלכע אבטיילונגען וועלען געבילדעט ווערען אין גאנץ רוסלאנד. די אידישע אבטיילונגען וועלען האבען זייער אייגענע בלוי-ווייסע פאן.

די פרץ-געזעלשאפט.

די ליטערארישע-קינסטלערישע פרץ-געזעלשאפט האט אין פעטראגראד די לעצטע צייט אנגעהויבען גוט ארבייטען. עס איז ארויסגעקליבען געווארען א נייער קאמיטעט אין וועלכען עס זיינען פארטראטען די קלובען אויפ'ן נאמען פון גראסער און באראכאוו און דער קרייז פון אידישע ליטעראטען און מאלער. פאר דער לעצטער צייט האט די געזעלשאפט איינגעארדענט צוויי אוונטען צום אנדענק פון פרץ און שלום-עליכם. אין דער נאהענטער צייט קלייבט זיך די געזעלשאפט עפענען א אידישען קלוב און א דראמאטישע סטודיע.

„שמיר".

אין מאסקווע איז געגרינדעט געווארען א קרייזעל פון אידישער נאציאנאלער עסטעטיק מיט'ן נאמען „שמיר". דאס קרייזעל הויבט אן ארויסצוגעבען א ניט-פעריאדישען ארגאן „שמיר", וואס וועט פראפאגאנדירען די עסטעטישע אויפלעבונג פונ'ם אידענטום איבער'ן יסוד פון דעם אידישען שאפען און פון אנ'ארגאנישען דערנאהענטערען זיך צו דער אלגעמיינער איראפעאישער קונסט. אין „שמיר" וועט אפגעגעבען ווערען פלאץ פאר קונסט, ליטעראטור, מוזיק און ארטיקלען וועגען אידישע קולטור-פראגען. די שפראך פון ארגאן איז אידיש. אויסער דעם קלייבט זיך „שמיר" ארויסצוגעבען אויף אלע דריי שפראכען פון דעם רוסישען אידענטום באזונדערע קליינע ווערק פון יונגע פאעטען, קאמפאזיטארען, גראפיקער א. א. וו. אלע העפטען וועלען ארויסגעגעבען ווערען אין א שעהנער אויסגאבע און מיט ארנאמענטען.

די געזעלשאפט צו שטיצען די קונסט.

אונטערן פארזיץ פון ד. ל. זווי איז אין פעטראגראד פארגעקומען די אלגעמיינע יאר-פארזאמלונג פון דער געזעלשאפט צו שטיצען די קונסט. די פארזאמלונג האט אנערקענט פאר נויטיגען מיטהעלפען צו נאציאנאליזירען די אידישע קונסט. עס וועט אפגעגעבען ווערען אויפמערקזאמקייט צו אילוסטרירען מיט פאסענדע צייכנונגען די אידישע פאלקס-אויסגאבען, לערביכער א. א. וו.

פוילען

אומקערען אידישע קאפיטאלען.

די ווארשעווער אידישע קהלה צוזאמען מיט'ן מאגיסטראט איז זיך איצט משתדל, אז זייערע קאפיטאלען, וואס זיינען געלעגען אין די רוסישע מלוכה-בענק, זאלען איצט אומגעקערט ווערען צוריק.

די אידישע קהלה האט געהאט אין די בענק א האלבען מיליאן רובל.

מאטעריאלען וועגען די קהלות.

אין פוילען קומט איצט פאר די רעארגאניזאציע פון די אידישע קהלה-ארגאנען. די רעפארמירטע קהלה-ארגאנען וועלען לויט זייער ברייטערער קאמפעטענץ אנפירען מיט א גרויסער וויכטיגער טעטיגקייט. ביז איצט איז יעדע אידישע קהלה, אפילו אינים קלענסטען ישוב, געווען א זעלבסטשטענדיג-אומאבהענגיגע אינסטיטוציע און האט ניט געהאט קיין געמיינזאמעס מיט די שכנה'שע קהלה-ארגאנען. איצט וועלען אלע קהלה פארוואלטונגען און ארגאנען פון די קרייז-שטעטלעך ווערען פאראייניגט צווישען זיך דורכ'ן ראיאן-ראט, די טעטיגקייט פון אלע קהלות מיט די ראיאן-ראטען ווערען ווידער קאנצענטרירט אין אידישען אויבער-ראט.

ס'האט זיך געגרינדעט א ספעציעלע געזעלשאפט, וועלכע וועט אויסארבייטען באלד די נויטיגע סטאטיסטיק איבער'ן גענויען מאטעריאל און ווירטשאפטליכען מצב פון די אידען אין פוילען.

עס ווערט שוין צוזאמענגעשטעלט א אנקעטע-בויגען וועלכער וועט צושיקט ווערען צו אלע אידישע קהלה-פארוואלטונגען אין פוילען מיט דער בקשה צו ענטפערן אויף אלע אנפראגען. דער אנקעטע-בויגען וועט ענטהאלטען א רייהע אנפראגען, דורך וועלכע מען ערווארטעט צונויפצושטעלען די נייטיגסטע סטאטיסטישע מאטעריאלען.

לויט די אפיציעלע מאטעריאלען געפינען זיך אין פוילען 474 שטעט (116 שטעט און 358 שטעטלעך), קהלה-פארוואלטונגען זיינען אבער פאראן נור אין 423 ערטער און אין 51 שטעטלעך זיינען קיין אידישע קהלות נישטא. פאקטיש אבער זיינען אין אלע שטעט און שטעטלעך אין פוילען פאראן אידישע קהלה-ארגאנען. דאגעגען די 51 דערמאנטע „שטעטלעך" זיינען די אזויגערופענע „פאסאדען", אין וועלכע עס וואוינען קליינע גרופען אידען און פיעל פון זיי וואוינען נישט מער פון 6—15 אידען.

לויט דער פריהערדיגער גובערניע-איינטיילונג, פארטיילט זיך די צאל אידישע קהלות אויף פאלגענדען אופן:

אין ווארשעווער גובערניע זיינען פאראן 55 אידישע גמינעס; לאמזשער—30 גמינעס; סיואלקער—30 גמינעס; סערלעצער—41 גמינעס; פלאצקער—21 גמינעס; קאלישער—42; לובלינער—62; קעלצער—44; ראדאמער—54; פיעטראקאווער גוב.—44 גמינעס. בסך הכל 423—קהלות.

א אידישער סוחרים-פארבאנד אין פוילען.

סוף מאי איז אין ווארשע פארגעקומען א זיצונג פונ'ם ראט פון דעם אידישען סוחרים-פאראיין, אויף וועלכער איז באטראכט געווארען דער סטאטוט פון א סוחרים-פארבאנד פאר גאנץ פוילען. מ'האט פארגעלייגט, אז די נייע ארגאניזאציע זאל זיך רופען „פאראיין פון אידישע סוחרים אין קרוין-פוילען" און זי זאל זיך נישט וועלען באהאלטען אונטער אנ„אלגעמיינעם" נאמען, ווייל אזא מין טאקטיק ברענגט נישט קיין שום נוצען. טאמער מיינט ווער זיך צו באהאלטען אונטער אזא אלגעמיינער פירמע, איז עס סיי-ווי-סיי נוצלאז, ווייל מען ווייס גאנץ גוט, אז די אינסטיטוציע איז א ריין-אידישע.

נאך לאנגע דעבאטען איז דער פארשלאג אבגעווארפען געווארען.

נישט קלענערע ווכוחים האט אויך ארויסגערופען די פראגע, ווי אזוי צו שאפען די צענטראלע אינסטיטוציע, אין וואס די מיינונגען האבען זיך שטארק פונאנדערגעטיילט. טייל האבען פארגעלעגט, אז דער צענטראל-ארגאן זאל געשאפען ווערען אויף פאלגענדען אופן: דער ווארשעווער סוחרים-פאראיין ווערט א צענטראלער סוחרים-פאראיין פון קרוין-פוילען, צו וועלכען עס קאנען געהערען סוחרים פון פראווינץ אלס איינצעלנע מיטגלידער, ווי דאס איז אויך איינגעפירט אין דער אינדוסטריעלער געזעלשאפט פון קרוין פוילען, די אפאזיציע דאגעגען האט אויפגעוויזען, אז דער דאזיגער פלאן מאכט צונישט די גאנצע אידעע פון שאפען אנ'אלגעמיינע לאנדעס-ארגאניזאציע.

די אפאזיציע האט דעריבער פארגעלעגט צו שאפען א פאקטישען צענטראל-ארגאן פון סוחרים-פאראיינען דורכ'ן ארגאניזירען אין די גרעסערע שטעט ספעציעלע אידישע סוחרים-פאראיינען (ווי עס איז שוין געשאפען געווארען אין גאליציען, נאך לאנגיעריגער פראקטיק), און צוזאמען מיט די שוין-עקזיסטירענדע אידישע סוחרים-פאראיינען אין ווארשא, לאדז, בענדין א. א. וו. עפענען א צענטראל-ביורא, צונויפרופען אנ'אלגעמיינעם לאנדעס-צוזאמענפאהר, וועלכער זאל אויסוועהלען א צענטראלען קאמיטעט.

די דאזיגע פראגע איז נאך ביז עתה געבליבען אפען, מען האט אבער אנגענומען א גאנצע רייהע אנדערע פונקטען פונ'ם סטאטוט. די אפאזיציע האפט, אז די אידישע סוחרים און זייערע פאראיינען אין דער פראווינץ וועלען אונטערשטיצען זייער שטעלונג צו שאפען א צענטראל-ארגאניזאציע פון אלע עקזיסטירענדע סוחרים-פאראיינען אין פוילען.

דאס אידישע לעבען אין לאדז.

דער לאדזער קרייז-שול-ראט האט באקומען א ווענדונג פון דער טאמאשאווער אידישער גמינע, אז ס'זאל איינגעפירט ווערען אין די ארטיגע אידישע עפענטליכע שולען 2 שעה רעליגיע און 4 שעה אנדערע אידישע למודים און אז צוליב מאנגעל אין מיטלען, זאל דער מאגיסטראט אין טאמאשאוו טראגען די קאסטען.

— אין די לאדזער אסימילאטארישע קרייזען ווערט געגרינדעט א פאראיין פאר געזעלשאפטליכע ארבייט צווישען אידען. דער אויסגעארבעטער אוסטאוו איז שוין צוגעשטעלט געווארען דער מאכט צו באשטעטיגען. די גרינדער זיינען ד"ר יוזעף זאקס, ד רעקטאר זאנד, ארטור גאלדשטאדט. א. א.

— אויף דער לעצטער זיצונג פון דער לאדזער אידישער גמינע איז באשלאסען געווארען ארויסצוארבייטען א פראטעסט געגען די אידען-רדיפות פון דער רומענישער רעגירונג אין בעסאראביען און רומעניען. דער ענין וועט באהאנדעלט ווערען אויף איינער פון די נאהענטסטע זיצונגען. אויף דער זעלבער זיצונג וועט אויך באשלאסען ווערען דורכצופיהרען א סטאטיסטיק וועגען דער צאהל אידישע ארבייטער און האנדווערקער, וואס זיינען ארויסגעפאהרען פון לאדז אויף ארבייט דורך דער פארמיטלונג פון ארבייטס-אמט אדער אויף אייגענער אחריות. עס איז אויך באטראכט געווארען די פראגע וועגען דער אלט-שטאטישער שוהל, כדי אדורכפיהרען וואהלען פון א נייעם שוהל-קאמיטעט.

אויסגעשלאָסען 6 אידען פון פּאָליטעכניקום.

דער קראקויער ציוניסטיש-אקאדעמישער פאראיין „השחר" האט צוגעשיקט א מיטגעפיהל-בריף דעם ווארשאווער ציוניסטיש-אקאדעמישען פאראיין „ירדניה", וואו ס'ווערט פּראָטעסטירט געגען דער האנדלונג פונ'ם ווארשאווער אקאדעמישען סענאט בנוגע דער אידישער „געגענזייטיגע הילף" אין פאליטעכניקום און צום סוף דאס אויסלישען 6 אידישע סטודענטען פון פאליטעכניקום. ווייטער ווערט אין בריף אויסגעדריקט מיטגעפיל די ווארשאווער חברים.

נעשמד'ט זיך 4 אידישע סטודענטען.

4 אידישע סטודענטען פון ווארשעווער אוניווערזיטעט און פאליטעכניקום האבען אנגענומען דעם קאטוילישען גלויבען. צווישען די משומדים געפינט זיך איינער א געוויסער א. כ., וועלכער איז באוואוסט אלס דער גייסטיגער אנפירער פון דער אסימיליאטארישער יוגענד-באוועגונג אין ווארשא און האט לעצטענס געשפּיעלט א באדייטענדע ראלע, ארויס-טרעטענדיג אויף פארשיידענע סטודענטישע מיטינגען א. ד. גל. די איבעריגע 3 געהערען דעסגלייכען צו דערזעלבער ריכטונג פון די אסימיליאטארען.

דייטשלאנד.

מאַרטין בובער און די אָרטאָדאָקסישע פּרעסע.

די ארטאדאקסישע פרעסע אין דייטשלאנד האט איינגעהויבען א גאנצען קאמפאניע געגען מארטין בובער, וועלכער האט דעם פארגאנגענעם שבועות געהאלטען רעדעס אין די שוהלען וועגען אידענטום און אידישקייט. די ארטאדאקסישע בלעטער זיינען זעהר אומצופרידען דערמיט, וואס בשעת זיין רעדע האט געשפּילט דער ארגעל און מ'האבען געשריבען סטענאגראפיסטקעס, און אויף אזא אופן מחלל שבת ויום-טוב געווען. די פרעסע פאדערט, אז די ה״ה בובער און בערנפעלד, וועלכע רופען זיך די „באנייער פונ'ם אידענטום", זאלען געבען ענטפער אויף דער דאזיגער פראגע.

דערצו באמערקט דער „פראנקפורטער איזראעליט", אז אינ'ם ציוניסטישען יוגענד-בוך „ירובעל", וואס איז ערשט ערשינען, ווערט בובער אנגערופען „דער צדיק מארטין בובער".

דער קאמף געגען חלול-שבת.

אין דייטשלאנד ווערט אצינד אנגעפירט א קאמף געגען חלול-שבת. די פרעסע ווידמעט דער פראגע אסך ארטיקלען און נאטיצען, און פאדערט אויף אלע מיטגלידער פון די אידישע קהלות אבצוהיטען שטרענג שבת און אבטון אלע געשעפטען אינדערוואכען. דערביי ווערט אנגע-וויזען אויף אסך פאלען, ווען אידען באזארגען אלע געשעפטס-ענינים אין די רעגירונגס-אינסטיטוציעס דווקא אום שבת. עס ווערט געשטעלט די פראגע, ווי קאן מען פאדערן, אז די מלוכה און די שטאט זאלען אבטען אויף די ימים-טובים און מנהגים, בשעת מיר אליין היטען זיי ניט אפ.

„דער איד אין קארל מארקס'ן".

אין די „נייע אידישע מאנאטסהעפטען" איז אבגעדרוקט אן ארטיקעל פון ד״ר גוסטאוו מאיער „דער איד אין קארל מארקס'ן", וועלכער ענטהאלט אינטערעסאנטע פרטים וועגען דער אידישער אבשטאמונג פון קארל מארקס.

קארל מארקס האט געשטאמט סיי פונ'ם פאטער'ס סיי פון דער מוטער'ס צד פון אן אלטער רבנים-משפחה. דער זיידע פונ'ם פאטער'ס צד מרדכי אדער מארקס פון דער משפחה לעווי איז געווען רב אין טריער. שפעטער האט דעם זעלבען כסא-הרבנות פארנומען זיין עלטסטער זוהן שמואל. שמואל'ס זוהן משה איז געווארען רב אין גלייוויץ. ווי טריי דער דאזיגער עלטערער פון דער משפחה איז געווען צים גלויבען פון די אבות, אזוי האט זיך א יונגערער צווייג פון דער משפחה אינגאנצען אבגעקערט פון דעם אידענטום. דער צווייטער זוהן פונ'ם אלטען מרדכי הירשעל אדער היינריך, וועלכער האט חתונה געהאט מיט א האלענדיש אידיש'ם ידעל מיט דער פאמיליע פרעסבורג, איז געווען אדוואקאט און שפעטער יוסטיץ-ראט אין טריער. ער האט זיך אין יאר 1824 צוזאמען מיט זיין פרוי און קינדער געשמדט און געווארען פראטעסטאנט. ווען דאס איז געשעהן, איז קארל מארקס ערשט אלט געווען 6 יאר. דערפון שטאמט עס, וואס די גייסטיגע אוצרות פונ'ם אידענטום זיינען קארל מארקס'ן געבליבען אינגאנצען אומבאקאנט, ווייל ער האט זיי נאך ניט באוויזען קענען צו ערקענען.

ליטא.

אַ אידישע קאָמיסיע קיין פינסק.

איבער א קאמיסיע וואס וועט אין קורצען ארויספאָרען קיין בריסק כדי צו באטראכטען וויפיל אידען עס קאנען זיך דארטען דערווייל באזעצען, וועט אויך ארויספארען פון ווארשא א אידישע קאמיסיע קיין פינסק. דער פינסקער קאמיטעט אין ווארשא האט שוין געמאלדען דער געהעריגער מאכט די נעמען פון די פערזאנען, וואס זיינען באשטימט ארויסצופארען.

ביי די פינסקער היימלאזע, וועלכע זיינען פונקט ווי די בריסקער צעזייט און צושפרייט איבער פארשידענע שטעט אין פוילען, האט די ידיעה, אז זיי וועלען אין קורצען קאנען צוריק אהיים פארען, ארויסגערופען א גרויסע פרייד.

זאַמיסלאָווסקי אין ווילנע.

די צאל פון די צוריקקומענדע פון רוסלאנד וואקסט פון טאג צו טאג. צווישען זיי געפינט זיך אויך דער געוועזענער דומע-דעפוטאט זאמיסלאווסקי.

וועגען חופּה וקידושין.

דער ווילנער ראבינאט האט ארויסגעגעבען א באפעהל, אז וועגען יעדער חתונה דארף געמעלדעט ווערען פריהער מיט א וואך, כדי עס זאל קענען געמאכט ווערען די געהעריגע אונטערזוכונג. אויך מוזען די אלע, וואס קומען פון אנדערע שטעט און ווילנע חתונה האבען, ברענגען א ערלויבניש פונ'ם ארטיגען רב.

רומעניען.

אידיש אין בעסאראביע.

ביים ספאטול-צערי, דער כדומרשט אוטאנאמער רע-גירונג פון בעסאראביע, עקזיסטירט איצט א ספעציעלער בילדונגס-דירעקטאריום, וועלכער האט מיט א קורצער צייט צוריק ארויסגעגעבען א באפעל, אז פון דעם נייעם לערן-יאר אן זאל מען אין קיין שום שול אין בעסאראביע זיך ניט פרובען צו לערנען אויף רוסיש. אוף די לערער און

אייגענטימער פון די פארשיידענע „אידישע גימנאזיעס" און פריוואט-שולען האט דער דאזיגער באפעל געמאכט א שטאר-קען רושם און זיי זיינען געקומען צום דירעקטאריום קלאגען זיך און פרעגען אויף וואס פאר א שפראך זיי וועט יא ערלויבט זיין צו לערנען. האט מען זיי דארט געענטפערט, אז זיי זאלען לערנען אין אידיש אבער ניט אין רוסיש.

מיר קאנען ניט לערנען אויף אידיש, ווייל מיר זיינען ניט געוואוינט דערצו און מיר האבען ניט קיין לערען-ביכער— האבען געענטפערט די לערער.

אבער דער בילדונג-דירעקטאריום האט געפונען אן עצה פאר זיי און האט אסיגנירט א גרויסע סומע אויף צו גרינדען א אידישען לערער-אינסטיטוט אין קישינעוו, אידישע זומער-קורסען פאר לערער אין אלע גרעסערע שטעט פון בעסאראביע און האט זיי אויסער דעם פארגעלעגט א גרויסע אסיגנאוויע אויף צו גרינדען א אידישע מלוכה-דרוקעריי און דרוקען דארטען אידישע לערן-ביכער.

איצט זוכען די בעסאראבער אידישע שול-אייגענטימער פאסענדע אנפיהרער פאר די דאזיגע אידישע קולטור-אנשטאלטען, וועלכע די רעגירונג צווינגט זיי צו גרינדען.

די לאַגע פון דער אידענפראַגע.

די לאגע פון דער אידענפראגע דורכ'ן בוקארעסטער שלום-אבמאך האט ארויסגערופען אומצופרידענהייט אין אלע אידישע קרייזען. די גאנצע מערב-אייראפעאישע פרעסע— די אידישע ווי די אלגעמיינע— ווייזען אן, אז דער בוקארעסטער שלום-אבמאך האט כלל ניט באפרידיגט די פאליטישע באדערפעניסען פון דעם רומענישען אידענטום און די לאגע איז נאך אסך ערגער, ווי לויט'ן בערלינער אבמאך פון 1878, לויט וועלכען גלייכבארעכטיגונג האבען באדארפט באקומען אהן אויסנאם אלע אידען.

דער איינציגער מענש, וואס איז צופרידען מיט'ן בוקארעסטער אבמאך, איז דער ארויסגעבער פון ארטאדאקסישען ארגאן אין ווין „אידישע קארעספאנדענץ", וועלכע שרייבט אזוי, אז „דאס גאנצע אידענטום וועט זיין דאנקבאר פאר אזא לעזונג פון דער אידענפראגע". די אידיש-דייטשע פרעסע איז זעהר אומצופרידען מיט אזא שענדליכער האלטונג פון א אידיש בלאט.

אמעריקע.

— די אידישע ארבעטער-פאראיינען פון אמעריקע האבען באשלאסען צו מנדב זיין איין טאג שכירות פאר די אידישע געליטענע פון דער מלחמה. צו דעם צוועק האט מען איינגעפאדערט די אידישע ארבעטערשאפט קומען צו די ווארשטאטען דעם 22 פעברואר, אין וואשינגטאנס געבורטס-טאג, ווען מ'ארבעט געוועהנליך ניט, כדי דאס פארדינסט פון דעם ארבייטס-טאג צו מנדב זיין פאר די געליטענע אידען אין מזרח-אייראפא און פאלעסטינע. אט די נדבה קאן באטרעפען אנ'ערך איין מיליאן מיט צוויי הונדערט פופציג טויזענט דאלאר.

— אין קארנעגי-האל איז אבגעהאלטען געווארען א א גרויסע פארזאמלונג, וועלכע איז צונויפגערופען געווארען כדי צו דעמאנסטרירען די סאלידאריטעט, וואס דאס אידענטום האט ארויסגעוויזן פאר דער צייט פון דער מלחמה. אויף דער פארזאמלונג איז אנגענומען געווארען א דאנק-רעזאלוציע דער ענגלישער רעגירונג פאר איר באוואוסטער דעקלאראציע.

אין דער רעזאלוציע ווערט ווייטער אנגעוויזן, אז די אידישע דאנקבארקייט איז באזונדערס גרויס דערפאר, וואס די דעקלאראציע איז אין דער אמת'ן גאר ניט קיין צופעליגע זאך, נאר א נאטירליכער פועל-יוצא פון דער גוטער פאליטיק, וואס ענגלאנד האט אלע מאל געפירט בנוגע צו אידן.

— אין ניו-יארק איז פארגעקומען א קאנפערענץ פון קהלה-דעלעגאטען.

עס זיינען געקומען ביז 200 דעלעגאטן, ד״ר מאגנוס האט געעפענט די קאנפערענץ מיט א רעדע וועגן די צילן, וואס א קהלה דארף האבן, ער האט אנגעוויזען דערביי אויף דעם, אז די קהלה דארף זיין געבויט אויף דעמאקראטישע יסודות און אז די קהלה-פארמען פון אייראפא זיינען נישט דעמאקראטיש און טויגען ניט פאר אמעריקא, דערביי האט ער ערקלערט, אז אויף ניו-יארק איז אין יאר 1917 געפאלן נדבות 17 מיליאן און 600,000 דאלאר פאר לאקאלע אידישע עניים, אחוץ די געלדער פאר קריגס-הילף.

ד״ר בענדערלי לעגט פאר א רעארגאניזאציאנס-פלאן פאר דער קהלה איינריכטונג, וואס ווערט פון דער קאנפערענץ איינשטימיג אנגענומען. לויט די נייע תקנות ווערט ניו-יארק צוטיילט אין 18 געמיינדע-ראיאנען; יעדער ראיאן האט ווידער געמיינדע צירקלען, צוזאמען זיינען דא אזוינע צירקלען 100: די ראיאנען האבן נעמען, די צירקלען האבן נאר נומערן. דעלעגאטן צו א קהלה-קאנפערענץ ווערן געוועהלט פון 1) מיטגלידער פון דער קהלה; 2) שולן, ארגאניזאציעס און אינסטיטוציעס, וואס געהערן צו דער קהלה און 3) פון צענטראלע ארגאניזאציעס (פעדעראציעס, ארדענס) אין ניו-יארק.

דעלעגאטען צו דער קהלה-קאנפערענץ וועלען קאנען זיין ביז 550. די 100 צירקלען קאנען אויסקלייבען מאקסימום 500 דעלעגאטען. די אינסטיטוציעס—ביז 50 דעלעגאטען.

אַ אידישער לערער-אינסטיטוט.

ווי באוואוסט, האבען זיך אין די פאראייניגטע שטאטען פאר די לעצטע יארן שטארק אנטוויקעלט די אזוי גערופענע נאציאנאל-ראדיקאלע שולן, אין וועלכע אלע למודים ווערען געפירט אויף אידיש אדער אידיש איז א באזונדערער למוד. די שולן ווערן איינגעטיילט אויף צוויי טיפן, איינשפראכיגע, וואו מען לערנט בלויז אידיש און צוויישפראכיגע, ד״ה אזעלכע וואו מען לערנט אלס א למוד אויך העברעאיש פון די נידריגע קלאסן אן. מיט צוויי יאר צוריק האבן זיך די ביידע טיפן שולן פארבונדן אין איין צענטראלן פארבאנד, און איצט זיינען שוין אין אמעריקע דא איבער 50 אזעלכע שולן מיט אן 8 טויזענט תלמידים.

צוליב דעם וואוקס פון די שולן פיהלט זיך א שטארקער דוחק אין אידישע לערער און דאס צענטראלע ביורא פון די שולן האט איצט געעפענט אין ניו-יארק א אידישן לערער אינסטיטוט מיט א ברייטער לערן-פראגראם. דער דירעקטאר פון אינסטיטוט איז ד״ר קויפמאן, און צווישן די נעמען פון לעקטארן געפינען מיר: ד״ר חיים זשיטלאווסקי, דעם באקאנטן אידישן פילאלאג יהודה יפה, דעם ביבל-קריטיקער חיים שויס, ד״ר אב. קאספע און פיל אנדערע באקאנטע אמעריקאניש-אידישע פערזענליכקייטן.

אידען אין אמעריקע.

אין דעם נייעם אידישען יאר-בוך, וועלכער איז ערשינען אין אמעריקע סוף 1917 געפינט זיך פאלגענדע סטאטיסטיק: אין יאר 1917 האט זיך אין די פאראייניגטע-שטאטען

געפונען 3·012,410 אידען, ד. ה. איבער 3 פראצענט פון אלגעמיינער באפעלקערונג. אין ניו-יארק און דער אומגעגבונג אליין געפינט זיך 1·350,000 אידען, אין טשיקאגא 350,000, פילאדעלפיע — 175 טויזענט; קלעוועלענד און באסטאן צו 75 טויזענט; באלטימארא און ס.-לואי צו 55 טויזענט. צו 20 טויזענט אידען געפינען זיך אין 28 אמעריקאנישע שטעט. אינ'ם יאר 1916 זיינען אין אמעריקע ערשינען 10 אידישע טעגליכע צייטונגען. פון זיי אין ניו-יארק 2, אין טשיקאגא 2, אין פילאדעלפיע 2 און 1 אין קלעוולאנד. אויסער די אידישע צייטונגען אין קאנאדא, ערשינען אויך 19 וואכען-בלעטער און 4 חודש-זשורנאלען. אין עספאניאליש 4 וואכענבלעטער און איינער א צוויי-וואכענדיגער. אין העברעאיש 2 וואכענבלעטער („העברי" און „התורן"). ענגליש-אידישע געפינען זיך: 25 וואכענבלעטער און 28 מאנאטשריפטען. 2 ערשיינען אלס צוויי-חדשים'דיגע און א סך אלס 3 חדשים'דיגע זשורנאלען.

ליטעראַרישע נייעס.

אין פערלאג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פוילען איז ערשינען די בראשור „די אידישע פרוי און דער ציוניזם". דארט ווערען געבראכט דריי ארטיקלען פון מארטין בובער, שרה פאמעראנץ און מארטא-מייער-איזאבאר וועגען דער אידישער פרוי, איר בעציהונג און באטייליגונג אין דער נאציאנאלער אויפלעבונג פון אונזער פאלק און לאנד.

עס זיינען ארויס דער 1 און 2 טער זאמעל ביכער ספרות אונטער דער רעדאקציע פון ל. יאפע.

די טעג איז ארויס דער פארלאג „העליקאן" א בוך פון א. אפית און א. מינענבאלד „די קונסט פון מארק שאגאל" מיט א סך שאגאל קונסט-ווערק פון מאלעריי און גראפיק. דאס בוך איז צוזאמענגעשטעלט געווארן מיט דער [illegible] פונעם קרייז פון אידישער נאציאנאלער [illegible] „[illegible]".

אין ווילנא הויבט אן ארויסצוגעבן א וואכענבלאט ארגאן פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע א [illegible] „אונזער עתיד".

די „הסתדרות עברית" אין ניו-יארק האט געגרינדעט א ספעציעלען פארלאג „קדימה". וועלכער האט אנגעהויבן ארויסצוגעבן א פאלקס-ביבליאטעק אין העברעאיש. ביז איצט זיינען ערשינען 12 ביכער צו פרייזען פון 1 [illegible] 12 סענט.

אין מאסקווע איז ארויס פון דרוק די העברעאישע איבערזעצונג פון דעם בארימטען ראמאן פון אסקאר [illegible] „פארטרעט פון דאריאן גריי" די איבערזעצונג איז געמאכט געווארן [illegible] „[illegible]" [illegible]. דאס בוך איז ארויסגעגעבן [illegible].

ס'איז ארויס פון דרוק דאס לעצטע ווערק פון'ם פארשטארבענעם ב. באראכאוו „די אנטיציוניסטישע קאנצענטראציע". דאס בוך איז געשריבען און רוסיש און ארויסגעגעבן פון ציוניסטישען פארלאג „קדימה" אין פעטראגראד.

עס ווערט געדרוקט און וועט אין קורצען ערשיינען א בראשור מיט'ן נאמען „די אידישע פרוי" פון פר. פועה ראקאווסקא. די בראשור ווערט ארויסגעגעבן דורך דער וגודה „בנות-ציון" אין ווארשא.

רעדאקטאר מ. גראסמאן.
ארויסגעבער י. בלנאוו.

אהרן רויטבלאט שושנה רוקח
מאר'שים
כ"ג סיון ה'תרע"ח.
קארען. [illegible]

ВРАЧЪ [illegible] ест.-ест. [illegible] [illegible] Высш. [illegible] дает уроки, имеет [illegible] занят. или служ. М.-Васильковская 33, кв. 27
М. [illegible]

מיט טיפען צער און טרויער איז מיטגעטיילט
דער „ועד הקהלה" פון פאלעבישטשע
(קיעוו. גוב.) וועגען דעם פריצייטיגען
טויט פון זיין געעהרטען חבר,
דער פארזיצענדער פון דער קהלה
פארוואלטונג
שמואל גינזבורג,
[illegible]
[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
חיים רייצקער.

דרוקערײ „התחיה" קיעוו גר.-וואסילקאווסקי [illegible]

אויף דער וואך

ארגאן פון ציוניסטישען געדאנק

„ДЕРЪ ТЕЛЕГРАФЪ"
„ОЙФЪ ДЕРЪ ВАХЪ"
КIЕВЪ,
Б.-Васильковская 72.

ערשיינט
וועכענטליך.
№ 10.

פרייז 1 רובל.
אויף די וואקזאלען 1 ר. 10 ק.
דער פרייז פאר מודעות: א שורה—1 ר.
די רעדאקציע איז אפען פון 11 ביז 1.

פרייטאג, 9 אווגוסט 1918 • קיעוו. א׳ אלול, התרע״ח.

אינהאלט: מ. גראָסמאַן: וואָכעדיגע ארבייט; ש. ק. ש.: ס'איז כדאי צו וויסען; מ. נ. סירקין: צוריק צום אלטען; ד"ר א. קאראלניק: דער מקוה; ד"ר א—מאן: בערטאָלדי'ס ערדגײַסט; אבגעשאַפט די נאצ'אנאל־פערסאָנאלע אויטאנאמיע: א) דער געזעץ; ב) די דעלעגאציע; ג) לעצטע עפענטליכע זיצונג פון נאציאנאל־ראט א. א. ז. וו. דאָס אידישע לעבען אוין אוקראינע; ארץ־ישראל; די ציוניסטישע באוועגונג; אין דער אידישער וועלט; צווישען אַנדערע פעלקער.

די דערגענצונגס־וואהלען צו דער צייטווייליגער נאציאָנאלער פארזאמלונג וועלען פאַרקומען דעם 11, 12, 13 אויגוסט.

וואכעדיגע ארבייט.

מען מוז סוף־כל־סוף זאגען דעם אמת: דער יום־טוב פון דער רעוואָלוציע איז לגמרי פאָרביי. די צײַט פון אומבאגרענצטע מעגליכקײַטען און גרויסע מעשים איז אַוועק,—און אזוי גיך וועט זי זיך מסתמא ניט אומקערען. איצט צאנקען בלויז די לעצטע פייערלאך, וואס האבען נאך באצייכענט, ווי פײַער־טורמס, דעם דורכגעגאנגענעם רעוואלוציאָנס־יאר און האָבען אונז פארבונדען מיט די עראבערונגען פון דער היסטארישער תקופה. שטילערהייט ווערען ליקווידירט איינע נאך דער אנדערע יענע אנשטאלטען און אינסטיטוציעס, וועלכע האבען זיך ווי על פי נס איינגעהאלטען ביז דער לעצטער רגע. ווײַל כמעט אלין איז פארמשפט צום אונטערגאנג, פריהער אדער שפעטער, דירעקט צי דרך־אגב—דאס זײַנען בלויז פראגען פון צײַט און פארמען. און פון אלע עראבערונגען, מיט וועלכע מיר האבען זיך געריהמט, ווערען פון דער גרויסער רעוואלוציע אין בעסטען פאל איבערבלײַבען נאר יענע עלעמענטארסטע איראפעאישע מלוכה־איינריכטונגען אהן, וועלכע דאס לעבען וואָלט געוועזען גאר אינטעגליך. פאר דעם זײַנען יעדענפאלס ערוב די נײַע פארבינדעטע פון אוקראינע...

אַט די געשאפענע פאליטישע לאגע מוז מען באגרייפען, געהעריג אָבשאצען און מאכען דעם נייטיגען אויספיר, וועלכער זאל שטימען מיט דער צייט. מען קען, נאטירליך, נאך פראטעסטירען מיט שעהנע זשעסטען און דעמאנסטרירען פאר דער וועלט אונזערע אמת'ע געפילען; מען קען נאך ארויסטראגען רעזאָלוציעס, אין וועלכע די צאָרענדיגע ווערטער וועלען אבהילכען, ווי אנ'אלטע מעלאדיע, מען קען זאגאר דעקלאמירען וועגען קאמף, אבער די גרויסע ווירקליכקײַט וועט גיך מאכען צו נישט אט די אלע אנשטרענגונגען און וועט פאר אונז אנטפלעקען—אין איר גאנצער נאקעטקײַט—דעם ביטערען אמת: די שלאכט איז פארלוירען.

ס'איז ניט בלויז אוועק די צייט, ווען מ'האט געקענט אין דעם התלהבות פון רעוואלוציאנערען שאפען פון אויבען ראדיקאל איבערבויען דאָס גאנצע אידישע לעבען, נאר ס'האט זיך אפילו ניט איינגעגעבען צו ערהאלטען דאָס, וואָס מ'האט

געגלייבט לכל הפּחות צו קענען באַוואָרענען: ס'איז חיוב געוואָרען די נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלע אווטאָנאָמיע, עס איז צושטערט געוואָרען דאָס אידישע מיניסטעריום, מ'האָט צוטריבען דעם נאַציאָנאַל-ראַט און אָפּילו איבער דער צייטווייליגער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג שוועבען שוואַרצע שאָטענס. נאָך מער: אין'ם לעצטען מאָמענט קומען אָן ידיעות פון דער פּראָווינץ, אַז די קהלות גופא זיינען אין אַ סכנה און צו די אָנגעזאַמעלטע אידישע גראָשענס, צו די אַזוי גערופענע קאָראָבקע-רעשטען, ציהען זיך שוין ווידער, ווי פריהער, די הענט פון די סטאַראָסטעס, וועלכע האָבען ברעה מיט אונזער געלט צו שטאַרקען די מיליציע.

צו האָפען ביי דער היינטיגער אַלגעמיינער געדריקטער שטימונג אויף אַן ערנסטען ווידערשטאַנד דווקא מצד די אידישע מאַסען — די שוואַכסטע און איצט ווידער דערשראָקענע — איז, נאַטירליך, אַ אילוזיע. בפרט, אַז מיר ווייסען גוט, אַז אַ גאַנץ פאָלק באַשטעהט ניט פון קעמפער און העלדען. דער פאָלקס-אָרגאַניזם לעבט ווייטער אפילו אין די שווערסטע באַדינגונגען, און ווי טראַגיש עס זאָל ניט זיין דער חילוק צווישען דעם נאָהענטען אַמאָל און דעם ביטערען היינט, זוכען די מאַסען פאָרט צו באַפרידיגען זייערע טעגליכע באַדערפענישען אויף דעם ערשטען בעסטען אופן. וואָרים יעדער טאָג ברענגט מיט זיך אַ קייט פון אומפאַרענטפערטע שאלות, וועלכע בלייבען הענגען אין לופטען, ווייל ס'פעהלט פשוט דער אַדרעסאַט צו וועמען זיי זאָלען אָנקומען, כדי געהאָלפען צו ווערען. און וועט דער דאָזיגער מצב דויערן נאָך אַ קורצע צייט און מיר וועלען ווייטער פאַרבלייבען אויף דער אָלימפּישער הויך פון דער פּאָליטיק, וועלען קומען אַנדערע, אומבאַרופענע און אונגעווינשטע בעלי-בית, און זיי וועלען אויף'ן אָרטיגען שטייגער פאַרענטפערען די קשיות; — און רעסמאַווירט דאַן וועלען ווערען אויך די געזעלשאַפטליכע באַציהונגען אויף דער אידישער גאַס.

דעריבער מוז מען ניכטער [illegible] די לאַגע און — ווי גרויס עס זאָל ניט זיין דער וועהטאָג און אפשר זאָגאַר די ירידה — אַריבערגעהען פון גרויסע רעוואָלוציאָנערע מעשים צו קליינער וואָכעדיגער אַרבייט, בפרט, ווען אַרום אונז ווערען צושטערט ניט בלויז די ניי געשאַפענע אינסטיטוציעס, נאָר דערנאָך אויך די אַלטע, די גוט איינגעפונדעוועטע אַנשטאַלטען, וואָס האָבען עקזיסטירט ביז דער רעוואָלוציע צענדליגער יאָרען און האָבען — גוט צי שלעכט — אָבער דאָך געליפערט די גייסטיגע און מאַטעריעלע נויט. ביי די ברייטע פאָלקס-מאַסען קען דאָך באמת געשאַפען ווערען דער איינדרוק, אַז די אָרגאַניזירטע אידישע געזעלשאַפטליכע קרעפטען זיינען נאָר בכח צו רעדען און צו צושטערן, בשעת די אַלטע בעלי-בתים האָבען געשאַפען און אויסגעהאַלטען נוצליכע אינסטיטוציעס.

די שנעלע איבערבייאונג פון'ם אידישען לעבען פון אויבען איז ניט געלונגען, לעבען זאָל די לאַנגזאַמע רעוואָלוציע פון אונטען! מען מוז זיך אַראָפּלאָזען פון די ווייטע בלויע הימלען אויף דער זינדיגער ערד, מען מוז אויפסניי אָנהויבען געריילדיג אַקערען און באַזייען דעם באָדען, כדי ערשט אין אַ צייט אַרום באַקומען פון איהם זריעה. און קודם כל — ווייניגער רעדען, ווייניגער חקרן זיך און פאַרגעסען אויף אַ רגע, אַז גראַד אויף אונזער דור איז אויסגעפאַלען דער הייליגער כבוד צו לעזען אַלע ברענענדע פּראָבלעמען פון'ם אידישען לעבען. ווייל די אייביגע רייסעניש, וואָס קומט פאָר היינט-צו-טאָג אין די קהלות, אין דעם איינציגען שטיץ-פּונקט פון די געזעלשאַפטליכע כוחות, מאַכען אַ שווערען איינדרוק, שמייסען אָב פון זיך דעם ברייטען עולם. אין די נייע קהלות, וואָס זיינען גראַד געשאַפען כדי אָבצושטעלן אויף די ערטער אָט די קליינע וואָכעדיגע אַרבייט — שאַפען שולען, שפּיטאַלען, קרעדיט-אַנשטאַלטען, איינאָרדענען די צדקה-ענינים און אַזוי ווייטער — האַלט מען כסדר לאַנגע רעדעס מכח העברעאיש און אידיש און נעבען זיי לעבען זיך די אַלטע קהלות מיט אַלע זייערע ענינים און פאַרזאָרגער, מיט דעם גאַנצען סדר פון דעם אַמאָליגען קהל-שטיבעל.

די אידישע אינטעליגענץ און פּאַרטייען און די ציוניסטישע אין דער ערשטער רייהע, מוזען זיך אומקערען צו דער וואָכעדיגער אַרבייט אויף אַלע געביטען. מען מוז געבען דעם פאָלק די נייטיגע גייסטיגע שפּייז און מאַטעריעלע הילף אין דער פאָרם, אין וועלכער דאָס איז איצט מעגליך. מען דאַרף אויף די ערטער שאַפען לעגאַלע בילדונגס-אַנשטאַלטען, וועלכע זאָלען דערהאַלטען ביים ברייטען עולם דעם דערוועקטען אינטערעס צו געזעלשאַפטליכע און נאַציאָנאַלע ענינים. די אַרבייט קען איצט געהען ניט אין דער ברייט, נאָר אין דער טיף. און ווייל די סכנה פאַר אונזערע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס קומט פון דרויסען, מוז געמילדערט ווערען דער פּאַרטיי-קאַמף, כדי אַלע זאָלען ניט בלייבען שטעהען ביי אַ צובראָכענעם מילטער.

נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע איז דאָך דאָס רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג, דאָס רעכט אויף אַ באַזונדער שטייגער איינצואָרדנען דאָס אייגענע לעבען. די נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע דאַרף האָבען דעם נויטיגען אייגענעם מלוכה'שען מאַנטעל, זי קען אָבער אויך זיין אַ אַנדערע און אַ פאַקטישע. אפילו אָהן מלוכה'שע צענטראַלע אָרגאַנען קאָן ביים גוטען ווילען די קהלה דינען אַלס צענטער פון אַוטאָנאָמען נאַציאָנאַלען לעבען, בפרט ביי אונז אידען. וועלען מיר איצט אויפהאַלטען די קהלות, וועלען מיר ראַטעווען דעם יסוד פון דער אווטאָנאָמיע. און ראַטעווען זיי דאַרף מען ניט בלויז פון די אויסערליכע בייזע ווינטען, נאָר אויך פון דער אינערער פּוסטקייט און אומרייפקייט.

מער ווי אַ האַלבען יאָר האָבען מיר געלעבט אין'ם כשוף פון אידישע מלוכה'שע אַנשטאַלטען. איצט וועלען מיר אָבער צופרידען זיין, ווען מיר וועלען פועל'ן, אַז עס זאָלען צוגעלאָזען ווערען צענטראַלע עפענטליך-רעכטליכע אינסטיטוציעס. און ניט בלויז לויט דעם נאָמען, נאָר אויך לויט'ן אינהאַלט וועלען מיר האָבען ניט קיין צייטווייליגע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג, נאָר אַ צוזאַמענפאָר פון די קהלה-פאָרשטעהערשאַפט, וועלכער וועט האָבען פאַר זיך קאָנקרעטע אויפגאַבען: אָרגאַניזירען און פאַרשטאַרקען דעם יסוד פון דער אווטאָנאָמיע — די קהלה. דאָס איז דער וועג און דער באַפעהל פון דער צייט.

נאָר מיט'ן לאָזונג „צוריק צו דער וואָכעדיגער אַרבייט אין פאָלק!", צו די שטילע קליינע מעשים, קען מען קעמפען קעגען דעם וואַקסענדען פעסימיזם און קעגען דער אַפּאַטיע, וועלכע נעמט אַרום געוויסע אידישע קרייזען. אין דעם העראָאישען דעק-מאַנטעל פון „אַלץ אָדער גאָרנישט" קענען זיך באַקוועם איינהילען בלויז יענע, וואָס לויפען אַוועק שנעל פון'ם שיף, וואָס האָט געליטען אַן אַוואַריע. די אמתע, געטרייע און פאָלקסטימליכע געזעלשאַפטליכע טוער בלייבען ביי דער פאָלקס-אַרבייט אויך דאַמאָלס, ווען זי פליסט אין קליינע, שטילע אידישע געסלאַך, אָהן דעם רעש פון די גרויסע פאַרזאַמלונגס-זאַלען.

* * *

ניט קוקענדיג דערויף, וואָס די וואַהלען צו דער צייטווייליגער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג זיינען פאָרגעקומען אין אַ שווערען, אונגינסטיגען מאָמענט, גראַד אין אַ צייט, ווען ס'איז בטל געוואָרען די נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלע אווטאָנאָמיע און דער אייזענבאַן-שטרייק האָט איבערגעריסען אַלע פאַרבינדונגען אין לאַנד, — האָבען די ראַטמענער פון די אידישע קהלות דאָך אַרויסגעוויזען אַ ערנסטע באַציהונג צו די וואַהלען. כמעט 85 פּראָצענט האָבען ערפילט זייער חוב. און ניט בלויז די פּאַרטיי-מענשען, נאָר אויך דער פאַרשיידענאַרטיגער אומפּאַרטייאישער עלעמענט, אָט די אַלע ראַטמענער פון די אָרטיגע צעטלען האָבען גענומען אַן אַקטיווען אַנטייל אין די וואַהלען. דער דאָזיגער פאַקט גיט אונז די האָפנונג, אַז אין די קהלות אויף די ערטער איז נאָך פאַראַן גענוג פאַראַנטוואָרטליכע טוער, וועלכע וואָלטען געקענט אויספיהרען דאָס פּראָגראַם פון פּראַקטישער אַרבייט!

די רעזולטאַטען פון די וואַהלען וועלען קיינעם ניט איבעראַשען, בפרט אונז. די 48 פּראָצענט שטימען, וועלכע עס האָבען באַקומען די ציוניסטען און די צעירי-ציון געפינען זיך אין הסכם מיט דעם ווירקליכען באַשטאַנד פון די קהלות. דערביי האָבען די אומפּאַרטייאישע מערסטענטייל אָבגעגעבען זייערע שטימען דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכער ס'געהערט שוין פון לאַנג די אָנפיהרענדע ראָל אין דער אידישער געזעלשאַפטליכקייט. איצט ווערט עס בלויז נאָך אַ מאָל פעסטגעשטעלט.

די ציוניסטישע פראַקציעס אין דעם פאַרלאַמענט וועלען קענען זיכער רעדען אין נאָמען פון די אידישע קהלות, וואָס זיי בילדען אַ מערהייט מיט'ן פולען באַוואוסטזיין פון דער אחריות, וואָס זיי טראָגען אויף זיך.

מ. גראַסמאַן.

עס איז כדאי צו וויסען.

דער פּרעמיער-מיניסטער ליזאָגוב האָט דער דעלעגאַציע פון'ם נאַציאָנאַל-ראַט אַ סוד מגלה געווען: אין'ם מיניסטאָרען-קאַבינעט געפינט זיך אַ פאָרשטעהער פון'ם אוקראַאינישען אידענטום. ובכן, קומט ליזאָגוב צו דער מסקנא, דער איד איז דאָך מסתמא אַ בר-סמכא אין אידישע ענינים און אָט ער אליין האָט דאָך מיט זיין האַנד געהאָלפען מבטל צו זיין דעם געזעץ וועגען דער נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אווטאָנאָמיע. מסתמא איז עס לטובת די אידען. בייזע צינגער האָבען אפילו שוין לאַנג געמירמעלט, אַז גראַד דעם ה' גוטניקס שטים איז געווען דער שווערסטער שטיין, וואָס איז געוואָרפען געוואָרען אויף דער רעאַקציאָנערער וואָגשאָל, כדי די נייע גזרה אָבצוּווענען. אין דער אידישער פּרעסע און עפענטליכקייט איז שוין ניט איינמאָל אָנגעוויזען געוואָרען אויף דער ראָל, וואָס גוטניק שפּילט אין מיניסטאָרען-קאַבינאַט בנוגע צום אידישען פאָלק. און דער ה' גוטניק, הגם ער איז אַ פריש-געבאַקענער ביוראָקראַט, האָט זיך גלייך דערפילט פעסט אין'ם ביוראָקראַטישען זאַטעל, געוואָרען דאָרטען אַ היימישער מענש, און פּונקט ווי פּלעווע און סטאָליפּין בשעתם האָט ער להלוטין איגנאָרירט די עפענטליכע מיינונג, ניט געפינענדיג פאַר נויטיג כאָטש עפּעס צו ענטפערען אויף די שווערע באַשולדיגונגען, וואָס דאָס גאַנצע באַוואוסטזיניגע און

אָרגאַניזירטע אידענטום האָט אים אין פּנים געשליידערט.

האָט מען אפשר געקאָנט מיינען, אז דער ה' גוטניק, זינט ער האָט זוכה געווען צו ווערען מיניסטער, פֿיהלט זיך אין דעם „סאַמאָסטייניעם" רעאַקציאָנער-קאָרעטישען קאַבינעט פּונקט ווי אַן אַנדערער איד—ל. טראָצקי—פֿיהלט זיך אין אַן אַנדערער זעלבסטהערשענדען קאַבינעט: דאָס הייסט, דער ה' גוטניק איז איצט לויטער אוקראַינער, דורכאויס קאַדעט, כולו „מענש", אָבער ניט איד. איז אָבער געקומען דער פּרעמיער אליין און האָט בפירוש באַשטעטיגט פֿאַר אַ אידישער דעלעגאַציע, אז דער ה' גוטניק ווערט באַטראַכט אין קאַבינעט ניט נאָר אַלס איד בכלל, נאָר דוקא אַלס „געקרוינטער" פֿאָרשטעהער פֿונ'ם אוקראַינישען אידענטום. און ווי ביוראָקראַטיש און דיפּלאָמאַטיש-קלוג דער ה' גוטניק זאָל ניט זיין—היינט אָדער מאָרגען וועט ער מוזען געבען אַ דין-וחשבון פֿאַר דער אידישער עפֿענטליכקייט. מיר זאָגען: ער וועט מוזען געבען, ווייל מיר מיינען דאָך, אַז דער מענש האָט נאָך ניט אינגאַנצען אָנגעוואוירען דאָס ביסל בושה פֿאַר זיך אַליין.

דעם אמת געזאָגט אָבער, וועט דער ה' גוטניק, וואָס דער רעאַקציאָנערער צופֿאַל האָט אים אויף אַ טאָג אַרויסגערוקט אויף דער פּאָליטישער סצענע, מאָרגען מסתמא פֿאַרגעסען ווערען צוזאַמען מיט די אַלע איבריגע טאָג-מענשען, און בלויז זיין נאָמען וועט אין דעם אידישען פּנקס פֿאַרצייכענט ווערען צווישען די פֿאָלקס-רעגענעראַטען, אויף וועמען עס איז געזאָגט געוואָרען דעם פּסוק „מחריביך ומהרסיך ממך יצאו".

עס וואָלט אָבער כדאי געווען צו וויסען, וואָס האָט צו זאָגען אויף דער דאָזיגער מעשה-נבלה די פּערזאָן, וואָס דאַרף טראָגען די מאָראַלישע אחריות פֿאַר די אַלע פֿאָלגען, וואָס די לעצטע גזרה וועט ברענגען דעם אידישען פֿאָלק. וואָס זאָגט דערויף—פֿרעגען מיר—דער ה' ווינאַווער, דער גייסטיגער טאַטע פֿון די גוטניקס (פֿון די אידישע און ניט אידישע), דער שעפֿער פֿון דער פֿריש-געבאַקענער „פּראָגרעסיווער" (ניט אנדערש) אידישער פּאַרטיי, וואָס דער ה' גוטניק איז איינער פֿון אירע חשוב'ע חברים. ה' גוטניק איז ניט נאָר ניט אויסגעשלאָסען געוואָרען פֿון דער פֿאָלקס-גרופּע—וואָס מ'האָט מיט רעכט געקאָנט ערוואַרטען—נאָר דער ה' ווינאַווער האָט אים זאָגאַר ערשט, אחר-המעשה, מצרף געווען צום מנין פֿון זיין נייער „פּאַרטיי".

דער ה' ווינאַווער, ווי עס איז אונז באַקאַנט, איז געווען גוט אינפֿאָרמירט וועגען די שענע כוונות און פֿיינע מעשים וואָס גוטניק האָט בדעה צו טאָן. געוויס האָט דער ה' ווינאַווער אויך געוואוסט, וואָס די איבריגע קאַדעטען, זיינע חברים, קלייבען זיך צו טאָן. מיר ווייסען אויך, אז אַ מיטגליד פֿון נאַציאָנאַל-ראַט, וואָס שטעהט נאָהענט צום לינקען פֿליגל פֿון נאַציאָנאַל-ראַט, האָט געהאַט מיט דעם ה' ווינאַווער אַ לענגערן געשפּרעך און האָט אים מתרה געווען, אז דער רעאַקציאָנערער חלף היינט שוין איבערן האַלז פֿון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און ס'איז אַ סברא, אז דער „שוחט" מאַכט שוין דערביי אַ אידיש-קאַדעטישע ברכה...

מען האָט דעם ה' ווינאַווער געוואָרענט. און די אידישע עפֿענטליכקייט ווייסט נאָך ביז היינט ניט, וואָס האָט געטאָן דער פֿאַראַנטוואָרטליכער פֿיהרער פֿון דער פֿאָלקס-גרופּע און פֿון דעם קאַדעטישען צענטראַלען קאָמיטעט, כדי די קאַדעטישע „שחיטה" צו פֿאַרמיידען. איצט שטעהען מיר פֿאַר אַ פֿאַקט, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער אידישער געשיכטע: ניט אַ גריליאַנד, ניט אַ בראַפֿמאַן, נאָר אַ איד, אַ ראַטמאַן פֿון אַ גרויסער אידישער קהלה, אַ מיטגליד פֿון אַ אידישער גרופּע, האָט אַליין בידים די אידישע אויטאָנאָמיע דערשטיקט. זאָל זיין, אז דער קליינער מענש איז פֿאַרבלענדט געוואָרען פֿון דעם מיניסטער-שטעל, די קאָפּ האָט זיך אים פֿאַרדרייט פֿון דעם גרויסען „כבוד". אָבער דער „רבי" איז דאָך לפּחות מחויב עפֿענטליך צו ערקלערען: צי איז ער מסכים מיט די מעשים און מאַקטיק פֿון זיינע תלמידים און חברים, און אויב ניט, וואָס האָט ער בדעה צו טאָן, כדי צו פֿאַריכטען, ווי ווייט עס איז נאָך מעגליך, די פֿאַרברעכערישע פֿעהלערן וואָס זיי האָבען—און ניט אָהן זיין וויסען—באַגאַנגען.

בנאמנות, עס איז כדאי צו וויסען.

ש. ק. ש.

צוריק צום אלטען.

נאָך דער אָנגעשטרענגטער נאַציאָנאַל-פּאָליטישער אַרבייט פֿון דעם לעצטען יאָר הייבט זיך איצט אָן באַמערקען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אויף אוקראַינע אַ מין מידקייט און שוואַכקייט.

מיר האָבען שוין איין מאָל אין אונזער באַוועגונג אַזאַ פּעריאָד איבערגעלעבט. דאָס איז געווען פֿאַר דעם אַכטען קאָנגרעס אין האַאַג. אין גאַנץ רוסלאַנד האָט געהערשט די שרעקליכע רעאַקציע, דאָס געזעלשאַפֿטליכע לעבען איז געווען דערשטיקט, דער פּאָליטישער געדאַנק געשמירט דורך דעם אייזערנעם פֿאַסט פֿון דער פּאָליציי-מלוכה, וועלכע איז געווען די איינציגע הערשערין אין לאַנד. דער ציוניזם

איז פֿאַרטריבען געוואָרען אין די קעלערס און פֿאַרבאָרגענע ווינקעלאַך. דאָס נאַציאָנאַל-פּאָליטישע העלסינגפאָרסער פּראָגראַם האָט נישט געקענט דורכגעפֿירט ווערען אין לעבען, און די גאַנצע געגענוואַרטס-אַרבייט איז אָפּגעשטאָרבען. דאַמאָלס האָט זיך באַלד אָנגעהויבען אין ציוניסטישען לאַגער דאָס מורמלען און די אונצופֿרידענהייט מיט די יונגע בונטאַרעס, וואָס האָבען געוואָלט אין ציוניזם שאַפֿען נייע וועגען. מיט שפּאָס און איראָניע האָבען גערעדט וועגען „חכמי העלסינגפאָרס" אונזערע עלטערע חברים, וואָס זיינען געווען געצירט מער מיט גרויע האָר, ווי מיט פּאָליטישען פֿאַרשטאַנד, און דאַמאָלס איז ביי אייניגע אויך געבוירען געוואָרען די קראַנקהאַפֿטע, איבערגעשפּיצטע גלות-פֿאָרמולע: „עברית או רוסית".

מיר שטעהען איצט ווידער אויפ'ן שוועל פֿון אַזאַ עפּאָכע. אין דער אויסענווייניגסטער וועלט הערשט די רעאַקציע—און אין אונזער אינעווייניגסטער מחנה הייבט זיך אָן די אונצופֿרידענהייט מיט אונזער נאַציאָנאַל-פּאָליטישער מלחמה, וואָס האָט דערווייל צו קיין פּאָזיטיווע רעזולטאַטען נישט געבראַכט. ביי דעם גרויסען עולם הערשט נאָך אַלץ דער אַלטער פּרינציפּ: „וועז וויקטיס" (אָך און וועה איז דעם באַזיגטען), און ווי פֿריהער די „חכמי העלסינגפאָרס" פֿאַרזוכט מען איצט צו פֿאַרשפּאָטען און פֿאַרלאַכען די „חכמי קיעוו"...

פֿון אַלע זייטען הויבען זיך אָן שיטען אויף אונז, אויף דעם „קיעווער קורס", באַשולדיגונגען, אז מיר האָבען זיך צו פֿיל פֿאַרטיפֿט אין פּאָליטיק און געגענוואַרטס-אַרבייט, אז מיר האָבען „איבערגעגעבען דעם פֿיינד (רחמנא ליצלן) אונזערע „פּאָזיציעס", אז מיר האָבען „זשאַרגאָניזירט דעם ציוניזם", קורץ, דער גאַנצער על חטא מיט אַלע שרעקליכסטע עבירות.

זעהר כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם פּרט דער אָפֿענהערציגער און שאַרפֿער אַרטיקעל פֿון דעם ח' טריוואַוס, איינעם פֿון די געטריישטע חסידים פֿון דעם אָדעסער קורס, און ווי ס'זעהט אויס, איז דער דאָזיגער אַרטיקעל—דער ערשטער אַרויספֿאָר פֿון דעם אָדעסער פֿראָנט, וועלכער איז די גאַנצע צייט, רעדענדיג מיט'ן מלחמה-לשון, געווען באַהאַלטען „אין די רעזערוון," ביז אַ שעת הכושר, און די אָדעסער רעכענען אַ פּנים, אז די שעת הכושר איז איצט געקומען.

דער אַרטיקעל הייסט. „די זשאַרגאָניזירונג פֿונ'ם ציוניזם" און איז אָבגעדרוקט אין דער אָדעסער „יעווריייסקאיא מיסל" № 26-27.

אין וואָס באַשולדיגט אונז דער ה' טריוואַוס?

„אָנקענען די באַשלוסען פֿון אונזערע קאָנגרעסען און צוזאַמענפֿאָרן טרעטען איצט אַרויס באַשטימטע ציוניסטישע גרופּען מיט דער אָפֿענער אָנערקענונג פֿון דעם זשאַרגאָן פֿאַר אונזער אָפֿיציעלער, כמעט אונזער נאַציאָנאַל-שפּראַך... אין די קהלות, וואו זיי זיינען די בעלי-בתים, פֿירען זיי אַלע ביכער און די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ אין זשאַרגאָן... אַלע פֿאַרזאַמלונגען ווערען געפֿירט אויף זשאַרגאָן.

און נאָך ערגער:—

מען גראָבט אונטער די יסודות פֿון „תרבות". נישט פֿרעמדע, נאָר איינענע פֿאָדערן, אז „תרבות" זאָל *) אַרויסגעבען ביכער... אויף זשאַרגאָן (!!!)

ווייטער רעדט זיך נאָך אָפֿענער:

. „אונזערע קיעווער חברים האָבען געפֿינען אין זיך דעם מוט (לייען: די העזה) זיך באַנוצען מיט דעם, וואָס אין זייערע הענט איז אַריינגעפֿאַלען די מאַכט און זיי דערוועגען זיך אַרויסצוטרעטען אין דעם נאָמען פֿון אַלע אוקראַינישע ציוניסטען אין דעם גייסט פֿון דעם ריינעם זשאַרגאָניזם".

דער ח' טריוואַוס זעהט אויך די סבות פֿאַרוואָס די קיעווער ציוניסטען זיינען אַזוי אַראָב פֿונ'ם „דרך הישר", און אויך „להרבות רעה".

ערשטענס: ווייל זיי זיינען נעבאַך אָבגעריסען פֿון פּעטראָגראַד, „געבליבען אָהן השגחה און אָנפֿירונג" ווי אָרעמע, בידנע יתומים, נעבאַך, אָהן אַ טאַטענ'ס האַנד און אַ מאַמע'ס ליבליך אויג...

צווייטענס: זיי זיינען נעביך פֿאַרפֿיהרט געוואָרען פֿון די פֿרעמדע כשוף-פֿייפֿאַלאַך (סירענעס [illegible]), פֿאַרשכורט פֿון די זיסע קלאַנגען פֿון די פֿרעמדע, פֿיינדליכע וועלטען. איך וואָלט געזאָגט: כבחינת תינוק שנשבה בין העכו"ם, ווען איך וואָלט נישט מורא געהאַט, אז די אָדעסער העבראַיסטען זאָלען דאָס חס-ושלום נישט פֿאַרשטעהן...

און דער געטרייער חבר טריוואַוס וואָרענט אונז, אז אונז וואַרט אַ ביטערער סוף:

פֿריהער זאָגט מען זיך אָב פֿון דער איבערהערשאַפֿט פֿון העבראַיש, דערנאָך פֿון ארץ-ישראל, שפּעטער פֿון כלל-ישראל-פּאָליטיק און דער סוף—מען זאָגט זיך אָב פֿון ציוניזם בכלל...

נישט כדי צו פּאָלעמיזירען מיט די אָדעסער „זשאַרגאָן-פֿרעסער" האָב איך זיך אַזוי לאַנג אָבגעשטעלט אויף דעם דאָזיגען אַרטיקעל. אונז איז שוין לאַנג באַוואוסט דער אָדעסער ציוניסטישער קורס מיט זיינע ערב-יום-כפּור-קריאות אויפ'ן אָרט פֿון אויפֿלעבונגס-פּראָצעס, מיט זיין חובבי-ציון-קלייזעל אויפ'ן אָרט פֿון אַ פֿאָלקס-באַוועגונג און מיט די קליינקעפּעלדיגע קלויז—חקירות אויפ'ן אָרט פֿון נאַ-

---

*) די פֿינטעלאַך און די טוראַ'דיגע אויסרוף-צייכענס געהערען דעם ח' טריוואַוס. ש. ג. ס.

ציאָנאַל־פּאָליטיק. מיר קענען דעם קירם און וויסען, אז נישט אים געהערט די צוקונפט. אָבגעריסען און אָבגעטײלט פון דער לעבעדיגער וועלט איז דער אָרעמער ציוניזם אַ מין אײַנזאַמער ראָבינזאָן קרוזאָ, עלענד און פאַרלאָזען אויף זײַן וויסטען אינזעל, און אַפילו דער איין אײַנציגער פרײַנד פיאַטניצאַ פירט אויך מיט אים מלחמה: ראָבינזאָן רעט עבריה און פיאַטניצא—רוסית.

און נישט צוליב פּאָלעמיק מיט באַגריפען, וואָס מוזען אָבשטאַרבען און מיט אַלט־פרענקישע באַווײַזען וועגען דעם „דײַטשען זשאַרגאָן" וואָס געהען ביסלעכווײַז, אָבער זיכער אַראָב פון דער וועלט—ברענגען מיר דאָ דעם דאָזיגען אַרטיקעל. דער דאָזיגער מאמר, וואָס פּאַסט פאַר מאַוויאָוו'ן אין דעם אַלטען „המגיד", איז פאַר אונז אינטערעסאַנט בלויז אַלס אַ צייכען און באַווײַז פון דער ענדערונג, וואָס קומט איצט פאָר אין אונזער באַוועגונג.

די אוקראַינישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט קײַן הצלחה נישט געהאַט. אין דעם זומפּ פון דעם באָלשעוויסטישען אויפשטאַנד און שאָוויניסטישער מעספּקײַט איז דערטרונקען געוואָרען אי די ראַדע אי די פאָלקס־רעפּובליק. עס זײַנען חרוב געוואָרען די נאַציאָנאַלע מיניסטעריומס. פון דער גאַנצער נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אַווטאָנאָמיע בלײַבט נאָר אַ זכר פון דער פאַרגאַנגענהייט, אַן אָבקלאַנג פון אַ שיהנעם חלום.

און דעריבער פאַלאַכט מען דעם גאַנצען קאַמף פאַר דעם פעדעראַליזם, וועלכען מיר האָבען געפירט דעם גאַנצען יאָר, מען פאַרשפּאָט מיט אַ איבער־קלוגען חוזק־שמייכעלע די גאַנצע ענערגיע און אַלע קרעפטען, וועלכע מיר האָבען פאַרווענדעט אין אונזער מלחמה פאַר דער אידישער נאַציאָנאַלער אידעע אין אוקראַינע. מיר האָבען נישט אויסגעפירט,— און דאָס איז פאַר אונזערע „פּראַקטישע" פירער דער בעסטער סימן, אז מען האָט דאָס נישט געדאַרפט. און מיט אַ העלדען־מינע פון דיפּלאָמאַטען און גבורים זאָגען זיי איצט:

— נו, מיר האָבען עס דאָך פריהער געוואוסט...

ווארום קלוג זײַנען זיי און פאָרזיכטיג, און דיפּלאָמאַטיש־באַרעכענט און טאַקטיש רוהיג אַט די אונזערע אַלטע, קאַלטע פּרוכטלאָזע און בלוט־אָרעמע צדקה־גבאים פון דער ציוניסטישער פּאַרטײַ.

ווערט דער ציוניזם צוריק אַ קלײַזעל—טו וואָסזשע דאַרף מען די „הויכע פּאָליטיק", די פאָלקס־באַוועגונג, דעם „דײַטשען זשאַרגאָן", אַט די „ברייטע מאַסען" וועגען וועלכע מען רעט איצט מיט דעם אייגענעם שמייכעלע, ווי שילגין מכח „דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע". אַלץ איז איבעריג, נישט קלוג, געפעהרליך. לעבען זאָל די חבת־ציון און דער „שאַלאָם־פּאַטריאָטיזם", און די „הסתדרות" און די „תרבות" און די „מאָרגענזירטע", „מאיר בעל הנס פּושקע".

און מען וויל ווידער אָנהויבען טײלען כבודים אין דער ציוניסטישער פּאַרטײַ, ווי פּסוקים פון אתה הראת, און ווידער זיך אַ נעם מאַן נאָך צו די „קאַפּיטאַלקרעפטיגע ציוניסטען", שלום שליסען מיט אַלע אידישע קאַרעטען, מיט אַלע שוין־זיכטיגע נייטראַליטעט־פּאָליטיקער, און פאַרהאַסט ווערט זײַן דער „זשאַרגאָן", פאַרגעסען דאָס פאָלק, פאַרלאָזט די גלות־פּאָליטיק; און אויפ'ן אָרט פון דעם אידישען שטאָלצען באַפרײַאונגס־ליד ווערט ווידער אפשר קלינגען דער אומעטיגער „צדקה תציל ממות".

און אין דעם זײַט איר גערעכט ה' טריוואיס:

— אין דעם ציוניזם וועלען מיר מיט אײַך נישט געהען. דאַמאָלס וועלען מיר זיך מוזען שיידען. ווער עס וועט צוועקגעהן פון דעם פאָלקס־ציוניזם איז פאַר מיר קלאָר:

קיעוו וועט בלײַבען.

מ. נ. סירקין.

דער מקונן.

I.

ס'איז אַ מערקווירדיגע ערשײַנונג: וואָס אידען זײַנען אַסימילירטער, וואָס טיפער זיי זײַנען אײַנגעדרונגען אין פרעמדער קולטור — זײַנען זיי נאַציאָנאַלער, און פאַרקערט.

נעמט, למשל, די רוסיש־אידישע ליטעראַטור ד. ה. די ליטעראַטור, וואָס ווערט געשריבען דורך אידען—אויף רוסיש. מילא, זי איז אונטאַלענטירט, קליין, האָט אַ קנאַפּען קינסטלערישען ווערט, דערהויבט זיך זעלטען איבער זשורנאַליסטיק און צײַטונגס־פעליעטאָן,—אָבער אפילו דאָרט הערט איר זעלטען אַרויס די אידישע נאָטע. מען לענט זיך צו אַ רוסישען פּסעוודאָנים, מען איז משנה שם און מען האַקט אין קרויט אַרײַן פּונקט אַזוי ווי אַלע מוזען, אָהן אַן אייגענעם אַראָמאַט, אָהן אינדיווידואַליטעט.

אין די לענדער אָבער, וואו אידען זײַנען שוין באמת אײַנגעטונקען אין פרעמדער קולטור, וואו זיי זײַנען שוין תושבים, דאָרט, וואו זיי האָבען שוין פאַרנומען זייער פּלאַץ אינ'ם לעבען, דאָרט הויבען זיי אָן ביסלעכווײַז צוריקצוקומען צום אידענטום, צו זיך.

ווארום נאַציאָנאַליזם האָט צוויי געשטאַלטען, צוויי בחינות. פון ברייטקייט און פון אײַנגקייט, „צמצום" און „הרחב", פשוטקייט און קאָמפּליצירטקייט. מען קאָן זײַן נאַציאָנאַל פּונקט אַזוי ווי מען איז אַ מענש, אַ צווייפיסיגער, אַ ברוינער צי אַ בלאָנדער, אַ הייכער צי אַ קלענער. דאָס איז דער פּראָסטער, נאַאיווער נאַציאָנאַליזם, אַ קינדישער און גראָבעגאָאיסטישער. דער דאָזיגער סאָרט נאַציאָנאַליזם איז געוועהנליך פּאָליטיש. דערנאָך—אויף אַ העכערער מדרגה—קומט דער געגענזאַץ פון נאַציאָנאַליזם, מען שעמט זיך מיט זײַן אָרימקייט און באַגרענעצטקייט, מען שטרעבט צו דעם ווײַטען, צו דעם פרעמדען, צו דעם ראָמאַנטישען.

ביז עס קומט די דריטע מדרגה: פון און דורך דעם ראָמאַנטישען צו דעם רעאַלען, פון דעם „איך וואָלט געוואָלט זײַן אַנדערש"—צו „איך בין און מוז זײַן אַזוי ווי איך בין", און ווײַל איך מוז—וויל איך. דעמאָלט קומט דער יארת הכבוד פאַר זיך אַליין, פאַר דער אייגענער פּערזענליכקייט, פאַר דער אייגענער אינדיווידואַליטעט. מען הויבט אָן זיך צוהערען צו דער אייגענער נאָטע, פאַרטיפען דאָס אייגענע, דאָס געירש'נטע.

געטהע האָט אויפגעשטעלט צוויי הויפּט־כללים:

איינער זאָגט: האַר און קנעכט, זיגער און באַזיגטער, אַלע זײַנען זיי מודה, אז דאָס גרעסטע גליק פון מענשען איז— „פּערזענליכקייט".

דער צווייטער כלל איז: „דאָס, וואָס דו האָסט געירש'נט פון דײַנע עלטערן — באַהאַלט עס אין פיר עס ווײַטער".

דאָס זײַנען די בײדע מאָמענטען—אינדיווידועלע און נאַציאָנאַלע קולטור.

בײַ אונז האַלטען מיר נאָך בײַם פּרימיטיווען. דאָס אידענטום האָט נאָך ניט אויסגעאַרבייט קיין אייגענע פיזיאָגנאָמיע, קיין אייגענע ווערטען. עס איז אַלצדינג נאָך—ווי רוסלאַנד בכלל,—אַ תהו ובהו, אַ כאַאָס, אַ גלמיש,—אַלצדינג איז „אין ווערען". די מערב־אייראָפּעאישע אידען האָבען שוין די ערשטע מדרגה דורכגעמאַכט און האַלטען שוין בײַם סוף פון דער צווייטער. די עפּאָכע פון געוואַלדיגער, עקשנותדיגער אַסימילאַציע איז שוין אין דער גסיסה. זיי דערנעהענטערען זיך צו דער דריטער מדרגה, צו נאַציאָנאַלען קולטור־באַוואוסטזיין.

איר זעהט עס באַשײַנפּערליך אין צוויי לענדער: אין ענגלאַנד און אין דײַטשלאַנד. און אין דײַטשלאַנד אפשר נאָך שטאַרקער, ווי אין ענגלאַנד, טאַקע דערפאַר, ווייל די דײַטשע אידען האָבען זיך מער באַמיהט צו אַסימילירען זיך, ווײַל אין דײַטשלאַנד וויל דער איד—מען זאָל פאַרגעסען אַז זײַן אידישקייט.

אָבער ער דערמאָנט זיך שוין אַליין. די בעסטע ראיה איז די דײַטשע ליטעראַטור, זעלטען איז געוועזען אין דער וועלט אַ ליטעראַטור, וואו אידען זאָלען האָבען אַזאַ שטאַרקען אײַנפלוס. מען קאָן זיך פשוט ניט פאָרשטעלען די נײַע דײַטשע ליטעראַטור פון די לעצטע פופציג יאָר אָהן אידען וואָס וואָלט די דײַטשע ליריק געוועזען אָהן היינע? די דײַטשע פּובליציסטיק—אָהן בערנע? די דײַטשע קריטיק אָהן די הונדערטער אידישע קריטיקער, וואָס גיבען דער עפענטליכער מיינונג זייער ריכטונג? וואָס וואָלט די דײַטשע „מאָדערנע" ליטעראַטור געטון אָהן הוגאָ פאָן האָפמאַנסטאַל, אַרטור שניצלער, וואַסערמאַן און די נײַעסטע—מאַקס בראָד, געאָרג פערמאַן, קעלערמאַן א. אז. וו.?

און מערקט עס—די אייגענע דײַטשע קינסטלער, וואָס האָבען באַרײַכערט די דײַטשע ליטעראַטור, די דײַטשע אַרט פון דענקען און פיהלען, די דײַטשע שפּראַך—קערען זיך אַלץ מער און מער, אַלץ אָפטער צו אידישע מאָטיווען, צו דעם שורש פון זייער אייגענער נשמה, זיי ווערען טיפער...

אַט, למשל, דער באַוואוסטער ווינער **דײַטשע** דיכטער סטעפאַן צווײַג.

אין רוסלאַנד קען מען אים ווייניג צי כמעט גאָר ניט. ווײַל ער, אַ ליריקער, שרײַבט פײַן־געשמאַקטע, ווי פון עלפענבײַן געשניצטע שירים, „חרוזים", אין דעם אַלטען בילדליכען זין: „שנירלעך", שנירלעך פּערעל, אָנגעסילעוועט אויף זײַד. ער איז איינער פון די בעסטע דײַטשע סטיליסטען. אין רוסלאַנד וואָלט איך אים פאַרגליכען מיט ברוסאָוו'ן. קיל און קינסטלעריש, מוזיקאַליש און אַ גרויסע קראַפט פון צופּאַסען זײַן פּערזענליכקייט, פון פאַרשטעהן אַנדערע, דערפאַר אַ וואונדערבאַרער איבערזעצער און אַ פײַנער קריטיקער. סטעפאַן צווײַג'ס איבערזעצונגען פון ווערכאַרן און ווערלען, פון די גרויסע פראַנצויזישע און ענגלישע דיכטער זײַנען מײַסטערווערק. ער האָט אָנגעשריבען עטליכע דראַמען, ראָמאַנען—און האָט אין דער דײַטשער ליטעראַטור קינה געוועזען אַ שטאַרקען שם. ביז ס'איז געקומען די מלחמה—און אַלע מענשען זײַנען ערנסטער און טיפער געוואָרען. אפילו די ריכטער. אפילו—זאָגט מען—די שרײַבער. עס זײַנען פאַראַן אַזעלכע רבי־בר־ברחנא'ס, וואָס דערצעהלען, אז אפילו די פּאָליטיקער זײַנען ערנסט געוואָרען. נאָר מילא דאָס איז אַזאַ גוזמא, וואָס לענט זיך שוין ניט אויפ'ן שכל.

סטעפאַן צווײַג האָט אָנגעהויבען צו זוכען מאָטיווען—מלחמה־מאָטיווען.

און האָט זיי געפונען—בײַ ירמיה הנביא, דעם גרעסטען מקונן, וואָס די וועלט האָט געזעהן.

יאָ, איך האָב פאַרגעסען זאָגען, אז סטעפאַן

צ־ייונג אין א איד פון מעהרען, אָבער דאָס פאַרשטעהט מען דאָך איינענטליך אליין: וויען, דײַטשע ליטעראַטור, ליריק, שפּראַך־קינסטלער, מאָדערן, וואָס דען זאָל ער זיין, א טשעך, צי א דייטש? ווי זאָגט א איד?—„דייטש, לאזט מיך" און דער פועל־יוצא איז געוואָרען א דראמע—אין ניין געזאנגען,—וואָס טראָגט דעם נאָמען „ירמיה"!

ס'איז א דראמאטישער עפּאָס, מער ווי א דראַמע, כאָטש די אויסערע פאָרם איז די פון א דראַמע. אנדערש קאָן עס אין פלוג אויך ניט זיין. ירמיה און זיין צייט איז אזא פאטעטישע טעמע, אז מען קאָן זי ניט איינשפּאַנען אין דער שטרענגער פאָרם פון א דראמע אויפ'ן געוועהנליכען אופן. ירמיה איז אזא גרויסע געשטאלט פאַר א העלד פון א דראמע...

דריי גרויסע נביאים קענען מיר און צוועלף קלענערע. ישעיה, ירמיה און יחזקאל זיינען די זיילען פונ'ם נביאות, די לעבעדיגע אייביגע עדות פון דעם אידישען פאָלק. יעדער אַן אינדיווידואַליטעט פאַר זיך, יעדער פון דעם אנדערן פארשידען, יעדער א גראַניטנע געשטאלט.

ישעיה—בפרט נאך, דער אזויגערופענער „ישעיה השני", איז דער גרויסער ליריקער, דער וועלט־פּאָעט, בלישצענדיג מיט שפּראך און בילדער, קלינגענדיג ווי א גלאָק, אפילו ווען ער שטראפט, ווען ער זאָגט נאָכ'ן האַרבע ווערטער פון צאָרן, איז בהיקות אין זיין שטראף, מעלאָדיע אין זיין כעס, ליריק אין זיין גרימצאָרן. נעמט דאָס וואונדערבאַרע ליד, דעם קאפּיטעל ה' פון ישעיה, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „אשירה נא לידידי שירת דודי לכרמו: „כרם היה לידידי בקרן בן־שמן"...

—איך וועל זינגען צו מיין פריינד דאָס וויינגאָרטען ליד—און עס נעהמט א צאַרט, ווייך אידיליש לידעלע פון א גערטנער און זיין גאָרטען, פון א גערטנער, וואָס לאָדט זיך מיט זיין גאָרטען. אזוי לאָדט זיך גאָט—דער גערטנער—מיט די אידען—זיין וויינגאָרטען. מעג דאָס שטראָפּרעדע זיין נאָך אזוי שטרענג און ביטער, אָבער דער מאָטיוו איז אזוי שעהן און מילד, שמעקט מיט יונגען וויין, מיט בלומען, מיט פריהלינג. און ווער רעדט, ווען ישעיה קומט צו זיין אבת'ען עלעמענט: צום טרייסטען. ער איז דער גרעסטער טרייסטער, וואָס די וועלט האָט פארמאָגט. איהר הערט ממש די פרעהליכע הצוצרות, די טראָמפּייטען, וואָס זאָגען אָן די בשורה, איהר זעהט די רייטער, וואָס רייטען איבער די בערג.

ניט אומזיסט הייסט ישעיה'ס נביאות: „חזון"—דאָס געזעהענע. ישעיה האָט געהאַט די גרויסע קראַפט פון דעם שאַפענדען דיכטער צו זעהען דאָס געוואָלטע און צו מאָלען עס אזוי לעבעדיג, אז יעדער זאָל עס קאָנען זעהען.

א זעהער איז יחזקאל אויך. „ואני בתוך הגולה נפתחו השמים ואראה מראות אלהים". אָבער ער זעהט דעם הימעל, ניט די ערד. ער זעהט אידען, ניט זאכען... אים פעהלט די געניאלע נאאיוויטעט פון ישעיה, זיין פאַר'כשוף'דיגער חוש פון נאַטור.

און צווישען צוויי „חוזים"—זעהער—שטעהט דער רעדנער, דער „שטראָפער, דער קלאָגער ירמיה.

„דברי ירמיה בן חלקיה מן הכהנים אשר בענתות בארץ בנימין... ויהי דבר ה' אלי לאמר: בטרם אצרך בבטן ידעתיך ובטרם תצא מרחם הקדשתיך, נביא לגוים נתתיך... וישלח ה' את ידו ויגע על פי ויאמר ה' אלי הנה נתתי דברי בפיך. ראה הפקדתיך היום על הגוים ועל הממלכות לנתוש ולנתוץ ולהאביד ולהרוס לבנות ולנטוע".

ד"ר. א. קאַראַלניק.

בערטאַלדי'ס „ערד־גייסט".

(„ערד־גייסט" פון בערטאָלדי, קיעווער פארלאַג).

דאָס ווערק האַלט גאַנצע 60 זייטען. און דאָס זאָלען זיין, ס'ווייזט אויס, „אַלטע שריפטען" פון א תלמיד־חכם, וואָס פּרעטענדירט צו זיין א פירער פונ'ם מאָדערנעם אידענטום. על כל פנים דער סטיליזירטער שער־בלאַט, דער טיטעל פונ'ם ספר, די טיפזיניגע הקדמה פון געצעהלטע פיר שורות און די „ווידמענונג" צום „רבי'ן און חבר" זאָגען באשײַפערליך עדות, אז דער מחבר האָט געזאַמעלט דאָס קערנדיגסטע, דאָס סלת'דיגסטע, וואָס ער האָט „געשריבען און געקליבען בכונה" פאַר די לעצטע צעהן יאָר. די מאמרים—סך־הכל נייען—זיינען פּינקטליך אויפ'ן האָר באַצייכענט מיט דער היסטאָרישער דאַטע, ווען און וואו זיי זיינען געשאַפען געוואָרען. דער ערשטער מאמר איז פאַרפאַסט געוואָרען אין ירושלים־דליטא בשנת 1906 און דער לעצטער, דער 98־שורות'דיגער, איז געבוירען געוואָרען, נאָך שווערע חבלי לידה, קענטיג, אין מינסק—פּעטערבורג אין די מלחמה יאָרען 1915—1916. די 9 אַרטיקלען זיינען, אלזא, די פרי־עטו, וואָס זיינען צייטיג געוואָרען אין דעם משך פון די לעצטע 10 יאָר, וואָס יעדער איינציגער פון די דאָזיגע „פּעטע" יאָרען קאָן דאָך פאַררעכענט ווערען פאַר א באַזונדער תקופה אין דער נייעסטער אידישער געשיכטע און משמעות, דער מחבר האָט געצעהלט יעדען אות פון זיינע מאמרים און יעדען תג געשטעלט מיט א

באַזונדער לונה. פאַרשטעהט זיך, אז צו אזא „אויס־נאַם־ווערק" מוז זיך דער לעזער ווי דער קריטיקער באַציהען מיט א באַזונדער יראת־הכבוד.

און איך בין זיך מודה: ניט געלייענט האָב איך דאָס ביכעל, נאָר געלערנט און פאַרטיפט זיך, ווי אמאָל, אין דער יוגענד אויף א מהרש"א אדער אויף א מהרם-שיף. און דאָך... כ'האָב געענדיגט די לעצטע שורות, נאָך אמאָל איבערגעלייענט די היסטאָרישע דאַטע, ווען דער אַרטיקעל איז פאַרפאַסט געוואָרען, און בין געבליבען שטעהן פאַר א רעטעניש:

— וואָס וויל אָבער פאָרט דער מחבר האָבען? וואָס האָט ער פאַר אונז מחדש געווען? וואָס פאַר א נייע תורה האָט ער אנטדעקט?

איך וואָלט שוין בדיעבד מוחל געווען דעם ה' בערטאָלדי זיין כלייענעם צאינה־וראינה־דיגען עברית־בעברית'דיגען אידישען סטיל. מהיכו־תיתי, אפשר איז טאקע אָט־דאָס דאָס אידישליכע אידישע אידיש. איך וואָלט שוין אויך צו אים קיין טענות ניט האָבען, וואָס אויף דעם קורצען מהלך פון די 60 זייטלעך זיינע, חזר'ט ער איבער זיין קריטיק איבער'ן אחד־העמיזם און הרצליזם אונצעליגע מאָל, מיר וואָלטען שוין אויך קיין „תרתי־דסתרי" ניט זוכען און וואָלטען קיין ווידעראנאנד ניט פרעגען פון בערטאָלדי'ן אויף בערטאָלדי'ן, וואָס ער איז זיך אליין אפטמאָל סותר סיי אין זיין קריטיק בנוגע צום ציוניזם סיי בנוגע דעם גרונד־געדאַנק פונ'ם אחד־העמיזם. ניט אויף אזעלכע קלייניגקייטען זיינען מיר מקפיד. דער עיקר איז פאַרדראָסיג, וואָס ה' בערטאָלדי האָט אונז געלאָזט שטעהן אָן א תירוץ אויף זיינע קשיות. און ווי אָריגינעל עס זאָלען ניט זיין די פונקען, וואָס זיינען צעוואָרפען אין זיינע „סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע כונות", די „שאלות" אָבער, וואָס ער פרעגט זיינען שוין לאַנג־לאַנג געפרעגט געוואָרען פונ'ם ציוניזם אויפ'ן „בונד" און פון „בונד" אויפ'ן ציוניזם וכו'; דער חלוק איז נאָר, וואָס יעדע ריכטונג און שטרעמונג אינ'ם אידענטום האָט לפחות איר תשובה אויף די שאלות, וואָס קוועלט ארויס פון איר עצם מהות, בעת דער ה' בערטאָלדי בלייבט בלויז ביים פרעגען. געווים, ווייסען מיר, אז דאָס פרעגען גופא איז צייטענווייז א גרויס פאַרדינסט. גאַנץ אָפט זיינען טאקע „דער עיקר די שאלות". אָבער במה דברים אמורים, ווען דער פרעגער איז א קאַבינעט־מענש, וואָס איז ווייט פון דער זינדיגער וועלט, זיצט זיך על התורה והעבודה און מישט זיך כלל ניט אין מילה־דעלמא. צו א מענשען אָבער, וואָס מיינט דאָך נאָך אלעמען צו זיין ווי זיין רבי און זיין חבר, וועמען ער ווידמעט זיין בוך—„דער אַנזאָגער" און בעל דמיון פון דער אידישער רעוואָלוציע" האָט מען דאָס רעכט צו זאָגען: האָסט אמת גוט געדרש'נט, די קשיות זיינען באמת האַרבע, אָבער ילמדנו רבנו—ענטפער־זשע א תירוץ!

קיין תירוץ אויף די קשיות געפינט מען אָבער כלל ניט אין דעם „ערד־גייסט".

דורכאויס שאלות און קריטיק:

„דער ציוניזם האָט באַנקראָטירט צוליב דער שמאָלקייט פונ'ם „אחד־העמיזם". זייער „אידיאַליזם" האָט זיך ארויסגעוויזען פאַר אַן'עקשנות פון א זאַטען בעל הבית".

„מיט'ן דובנאָוויזם האָבען מיר געזינדיגט קעגען דער היסטאָריע... מיר האָבען דאָ א נאַציאָנאַלען געפיל פאַררעכענט פאַר א נאַציאָנאַלען גייסט און דערמיט אָנגעוואָרען די יושר'דיגע פּערספּעקטיוו...."

„אַ שמה בחלקי, אסקעטיש צופרידען מיט ווייניג איז דער „בונדישער" גייסט: אלף־בית־אידישקייט אין אלף־בית שולען, אלף־בית קאַמף און אלף־בית בעל־הבתישקייטען—דאָס איז סאָציאַליזם... פעהלענדיג טיף, טיף אונטער דער שוועל פון באַוואוסטזיין, אז דער גייסט וועט זיך אויף לאַנג ניט לאָזען איינצאַמען, האָט דער „בונד" צוגעקלעבט צו זיך א באַזונדערע שליחות: ער מוז קעמפען קעגען דער אידישער בורזשואַזיע, דער ערגסטער פון דער וועלט...

— יאָ, אמת, די ערגסטע, דער סמן און פאָן פון דער וועלט־ממשלה פונ'ם אינטערנאַציאָנאַלען קאַפּיטאַל, וואָס האָט טויזענט פאַטערלענדער און קיין איינציגע ניט... נאָר דער אידישער אַרבייטער האָט זי דאָך אין די אויגען ניט געזעהן... מען אָרגאַנירט דאָך די אָנמאַכט און מען קעמפט מיט דער אָנמאַכט... יאָ, די אָרעמע אידישע גשמיות איז זיך נוקם אינ'ם בונדישען גייסט...".

„א נאַציאָנאַליזם לויט'ן פאַרשטאַנד האָט פאַר זיך באַשאַפען דעם סיימיזם, א נאַציע על פי שכל, לויט דער שטה פון פרייוויליגער מעלדונג. מען האָט אָבער פאַרגעסען, אז א נאַציאָנאַל־געפיהל לאָזט זיך ניט איינשמועסן... אָדער א מיסטישער צובונד צו דער אידישער אמונה, אָדער א לעבעדיגער צובונד צו אן אידיש לאַנד".

הכלל די קריטיק ווי די קריטיק. מיר האָבען געבראַכט די מער צונגענגליכע און פאַרשטענדליכערע שאלות, וואָס ה' בערטאָלדי פרעגט ביי זיך אליין. אָבער וואו איז די תשובה? קאָן דען ערנסט גענומען ווערען דער ענטפער, למשל, וואָס ער גיט אין זיין „ערד־גייסט", אז אין אדער אידישער וועלט, וואָס איז פיל מיט די ליידען פון אייביגען וואַנדערן, באַווייזט זיך די ערד־בענקשאַפט, זי איז די אידישע גשמיות אליין, דער גרויסער רחמנית אויפ'ן פאַרשקלאַפּטען אידישען גוף, וואָס ליידט זיין היסטאָרישען וועהטאג..

און דעריבער איז זי די גרעסטע הכשה און די טיפסטע פאראכטונג פון דער איצטיגער אידישער נשמיות, דען זי איז די רעוואלוציע פון דער אידישער נשמיה, זי איז דער גייסט פון דער צוקונפט־

אויב מען זאל שיין ווי עס איז פארטייטשען דעם פשט פון דאזיגען שטיקעל תורה, איז עס רעדן די „איין תשובה" אויף „אפילע שאלית". מיר שעצען דעם מחבר פון דעם „ערדגייסט", כדי צו האלטען אים פאר אזא מין תם, אים זאלען באפרידעגען די דאזיגע אזוי גערופענע „ערד־בענקשאפט", וואס איז בעצם א מין מי, וואס האט זיך וואס'ער טעם עב יילט זיך, און די „רעוואלוציע פון דער אידישער נשמיה", וואס איז, צווישען אינז זאל עס בלייבען, ניט מער ווי א שטומער בטלנות'דיגער פסוק.

אלא וואס דען—וואו נעמט מען פארט א תירוץ פאר דעם ה' בערמאלדי אויף זיינע קשיות און שאלית? נישקשה, ער וועט זיך שוין אנ'עצה געבען, דער ה' בערמאלדי, ווען ער וועט אויפהערען צו שוועבען בלומרשט אין זיין „ערדגייסט", און וועט זיך אראבלאזען אויף דער זינדיגער ערד, וואו פאליטיק איז שטארק שליה צווישען מענשען און וואו מיקאן, לידער, בשום אופן ניט זייט ווערען מיט פוסטע פראזען, ווי שען און ווי פילאזאפיש־ישיבה־בחוריש זיי זאלען ניט קלינגען. דא, זעהט איר, האט שוין יא דער ה' בערמאלדי א תירוץ מספיק אויף זיין „ורמינהו". דער תירוץ איז אבער, זאל עס אים צו קיין חרפה ניט זיין, אנ'אנעקדאטישער. ער פארענטפערט די הארבע שאלית אויף דעם זעלבען אופן, ווי דער קליין־שטעטעלדיגער רב האט זיך פארענטפערט פאר זיין רבי'צין, וואס האט מיט איר ווייבערשען מוח בשום אופן ניט געקאנט תופס זיין דעם רב'ס חכמה בשעת ער האט אויף דעם דין־תורה, אויסהערענדיג ביידע צדדים—ביידען פון זיי געגעבען גערעכט:

— דו ביזט אויך גערעכט, האט דער רב פארענטפערט דער רביצין'ס הארבע קשיא.

ווי נאר דער ה' בערמאלדי לאזט זיך אראב פון זיין „ערדגייסט" אויף דער אידישער גאס ווערט ער אים קטיגר און ווערט דער קאטעפראם־סליכסטער סניגר: דעם „בונד" איז ער מוחל זיין „אלף־בית קליינקע פעלדיקייט", דובנאוו'ן—זיין איצטיגען פארטיי־חבר, אגב—זיין „זינד קעגן דער היסטאריע" און אפילו די ציוניסטען איז ער גרייט צו פארגעבען זייער „בעל־הבית'יש זאטע עקשנית". אבי שלום ושליה. און ער געפינט שוין, ווען ער באדארף עס, א באזונדער זכות פאר יעדען איינעם באזונדער...

כ'לעבען א בנ'עמתודיגער איך איז דער מחבר פונ'ם „ערדגייסט". ווערט ניט נהפעל פון זיינע הארבע שאלית און קשיות...

ד"ר ל. מא—ן.

אבגעשאפט די אידישע נאציאנאלע אווטאנאמיע.

דער געזעץ.

אין לעצטען נומער פון „דערזשאווני וויסטניק" איז אפגעדרוקט די פאלגענדע אפיציעלע רעגירונגס־מעלדונג וועגען אפשאפען דעם געזעץ פון דער נאציאל־פערסאנאלער אווטאנאמיע.

„1. דער געזעץ פון 9־טן יאנואר וועגען נאציאנאלער אווטאנאמיע ווערט אבגעשאפט.

2. אפשאפען די עקזיסטירענדע מיניסטעריומס פאר גרויס־רוסישע, פוילישע און אידישע ענינים. די באאמטע פון די מיניסטעריומ, וועלכע וועל'ן נישט באקומען קיין באשטימונגען אויף מלוכה־שטעלעס, צובאטראכטען אלס אפגעזאגט פונם טאג ווען דער דאזיגער געזעץ ווערט פארעפענטליכט.

3. ביז עס וועט נישט באשאפען ווערן די קאמיסיע אויפן גרונט פון די פאלגענדע פונקטען זאלען די ענינים פון די נאציאנאלע מיניסטעריומס איבערגעגעבן ווערען דעם מיניסטעריום פאר אינערע ענינים, א חוץ די קולטורעלע בילדונג ענינים, וועלכע זאלען היכף איבערגעגעבן ווערן דעם מיניסטעריום פאר בילדונג־ענינים.

4. שאפען ביים אונערן־מיניסטעריום א צווישאמטליכע קאמיסיע אויף איבערצוקוקן די פראגע וועגען דער ליקווידאציע פון די ענינים און פון אייגנטום פון די נאציאנאלע מיניסטעריומס. די קאמיסיע דארף פונאנדערטיילן די ענינים לויט זייער ארט, צווישן די איבעריגע מיניסטעריומ. דער באשלוס פון דער קאמיסיע דארף באשטעטיגט ווערן דורכן מיניסטער פון אינערליכע ענינים.

5. ארויסגעבן די אפגעזאגטע באאמטע פון די נאציאנאלע מיניסטעריומס א שטיצע אין דער סומע פון מאנאטליכן געהאלט. די שטיצע דארף ארויסגעבן די ליקווידאציע־קאמיסיע. פארזיצער פון מיניסטארן־ראט פ. ליזאגוב. פאר דעם מלוכה סעקרעטאר—אינג. קיסטיאקאווסקי. איך באשטעטיג. פאלא סקאראפאדסקי, 9 יולי 1918, קיעוו. באשייניגט: פאר דעם מלוכה־סעקרעטאר אינאר קיסטיאקאווסקי.

די דעלעגאציע.

א דעלעגאציע פונ'ם פרעזידיום פון דעם נאציאנאל־ראט, וואס איז באשטאנען פון ד"ר זילבערפארב, לאצקי און ד"ר סלאנים, האט דעם 13 יולי באזוכט דעם פרעמיער ליזאגוב, כדי אים מודיע צו זיין, אז דער נאציאנאל־ראט, אין וועלכען אלע אידישע פארטייען פון אוקראינע זיינען פארטרעטען, וויל זעהען דעם ה' לאצקי בראש פונ'ם אידישען מיניסטעריום. מ'האט אויך געהאט בדעה קלאר מאכען די פאליטישע לאגע און אינפארמירען זיך וועגען די קלאנגען מכח דעם גורל פון דער אווטאנאמיע.

אינ'ם שמועס מיט'ן פרעמיער איז דערהויפט באריהרט געווארען די פראגע וועגען אבשאפונג פון דעם געזעץ פון 9 יאנוואר וועגען דער נאצ.־פערסאנאלער אווטאנאמיע.

דער פרעמיער האט ערקלערט, אז די רעגירונג האט אבגעשאפט דעם דאזיגען געזעץ, ווייל זי האלט, אז ער וואלט ארויסגערופען א פיינדשאפט צווישען די פעלקער אין אוקראינע. די גאראנטירטע גלייכבארעכטיגונג פון אלע בירגער, אהן אונטערשייד פון רעליגיע און נאציע, פארזיכערט אין א גענוגענדער מאס יעדען פאלק די פרייהייט צו ארגאניזירען זיינע קולטורעלע און פילאנטראפישע ענינים.

די דעלעגאציע האט אנגעוויזען, אז די אבשאפונג פון דער אווטאנאמיע וועט מאכען דעם שווערסטען איינדרוק אויף אלע אידישע בירגער. א דאנק דעם, ווערט איצט באזונדער שווער די לאגע פון די קהלות, וואס קענען זייערע מיטגלידער ניט באשטייערען און בלייבען לחלוטין אהן מיטלען, כדי צו באפרידיגען די קולטור און בילדונגס־באדערפנישען פון די אידען, צוליב וועלכע זיי זיינען באשאפען.

דער פרעמיער האט געענטפערט, אז די אבשאפונג פון דער אווטאנאמיע איז ניט שייך די קהלות, וואס מעגען זיך ווייטער קלייבען פרייוויליגע נדבות צו גלייך מיט אנדערע צדקה־חברות. אין פארבינדונג דערמיט האט די דעלעגאציע אנגעוויזען אז די אידישע באפעלקערונג וועט זיין פארוואונדערט, וואס די רעגירונג, פאנגענדיג אזא קאמפליצירטען שריט בנוגע צום אינווייניגסטען לעבען פון די אוקראינישע אידען, האט נישט אויסגעהערט א פריהער די מיינונגען און שטימונגען, וואס הערשען אין דער באפעלקערונג, ווי דאס פלעגט פון צייט צו צייט טון אפילו ניקאלאי'ס רעגירונג.

ווייטער האט זיי די דעלעגאציע אנגעוויזען, אז דערמיט וואס עס איז אבגעשאפען געווארען דער געזעץ וועגען נאציאנאלער אווטאנאמיע וועט אונטערגראבען אויך דער איינציגער צענטראלער ארגא־ פון די קהלות און דער איינציגער בארעכטיגטער פארמיטלער צווישען דער אידישער באפעלקערונג און דער רעגירונג—דער נאציאנאל־ראט.

אייסער דעם האט די דעלעגאציע אנגעמערקט אז די רעגירונג האט פאקטיש אבגעשאפט דאס רעכט פון די קהלות אויף צוואנגס־באשטייערונג פון זייערע מיטגלידער. און אין פוילען, דייטשלאנד און עסטרייך באנוצען זיך די אידען מיט אט דעם טראדיציאנאלען אין דער אידישער געזעלשאפטליכקייט רעכט.

דערויף האט ליזאגוב געענטפערט, אז די אידישע פארטייען זאלען באטראכטען אינ'ם נאצ.־ראט דעם איצטיגען מאמענט און צושטעלען דעם מיניסטארען־ראט א מעמאראנדום וועגען דעם. ס'ווייזט אויס, מיינט ליזאגוב, אז נאר דאס ספעציפיש אידישע נאציאנאל־רעליגיעזע לעבען פאדערט א צוואנגשטייער פאר די קהלות. וועגען דעם קומענדיגען צוזאמענפאר פון קהלות־פארשטעהער האט דער פרעמיער געזאגט, אז די רעגירונג וועט אים ערלויבען אין דעם געוועהנליכען סדר. די רעגירונג האט גאר נישט בדעה צו שטערען די טעטיגקייט פון די קהלות, און אויב די ארטיגע אדמיניסטראציע שטערט ערגעץ וואו, וועט די רעגירונג אנגעמען מיטלען נעגען דעם.

די נאציאנאלע מיניסטעריום.

דעם 19־טען יולי האט דער פרעמיער־מיניסטער ליזאגוב אנגענומען די פארשטעהער פון די בעאמטע פון די נאציאנאלע מיניסטעריומס. אינ'ם געשפרעך האט זיי דער פרעמיער מודיע געווען, אז די מיניסטעריומס וועלען ליקווידירט ווערען ערשט דאמאלסט, ווען אין אינערן־מיניסטעריום וועלען אנקומען די נויטיגע אנווייזונגען. דאמאלסט וועט די ליקווידאציע־קאמיסיע קענען צוטרעטען צו דער ארבעט. ביז יענער צייט קענען די נאציאנאלע מיניסטעריומס ווייטער פירען זייער ארבעט ניט געשטערט. בנוגע צו דער ווייטערער טעטיגקייט פונ'ם נאציאנאל־ראט האט דער פרעמיער אנגעוויזען, אז עס קענען פארקומען נאר געשלאסענע זיצונגען.

לעצטע עפענטליכע זיצונג.

די זיצונג פונ'ם נאציאנאל־ראט, וואס איז פארגעקומען דעם 16־טען יולי, האט באמת געטראגען א היסטארישען כאראקטער פונ'ם אנהויב ביז'ן סוף. דער גרויסער זאל פונ'ם פאלאס־האטעל, וואו די זיצונג איז פארגעקומען, איז געווען פול געפאקט מיט

א פאַרשידענאַרטיגען עולם, וואָס האָט מיט א שפּאַנענדען אינטערעס געוואַרט אויף דער ערקלערונג פון דער דעלעגאַציע, וואָס האָט באַזוכט ליזאָגוב'ן נאָכדעם, ווי די צייטונגען האָבען געמאָלדען, אַז דער געזעץ וועגען דער נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע איז אָפּגעשאַפט געוואָרען. דער באַריכט פון דער דעלעגאַציע האָט אַן-איבעריגען מאָל באַשטעטיגט, אַז ביי דעם איצטיגען פּאָליטישען קורס קאָן די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע קיין קיום ניט האָבען.

דער מיטגליד פון דער דעלעגאַציע ה' זילבערפאַרב מיינט אָבער, אויף'ן גרונד פון זיינע פּערזענליכע איינדרוקען, אַז אויב מ'זאָל גיין אויף'ן וועג פון געזעלשאַפטליכער שתדלנות, איז אפשר מעגליך, אַז מ'זאָל עטוואָס פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אָפּראַטעווען.

די פּערזענליכע איינדרוקען פון'ם ה' זילבערפאַרב רופען ארויס א שאַרפע גאַליגע קריטיק פון זיין פאַרטיי-חבר ליטוואַקאָוו, וועלכער פאַרגלייכט די „געזעלשאַפטליכע שתדלנות" מיט דער אַלט-באַקאַנטער שתדלנית פון די סליאָזבערג'ס. ה' ליטוואַקאָוו ערקלערט אפילו שפּעטער, אַז ער האָט ניט געמיינט פּינגע בכבוד זיין פּערזענליך דעם ה' זילבערפאַרב, ער האָט בלויז באַצייכענט די סיסטעם פון שתדלנות בכלל, וועגען וועלכער ה' זילבערפאַרב האָט גערעט. דער ה' זילבערפאַרב בלייבט אָבער אומצופרידען מיט דער פּערזענליכער ערקלערונג פון'ם ה' ליטוואַקאָוו און באַשטעטיגט נאָכאַמאָל די „פּערזענליכע איינדרוקען" פון דער דעלעגאַציע.

באַזונדער געהויבען און געשפּאַנט איז געוואָרען די שטימונג אין זאַל, בשעת עס האָבען זיך אייניגע נאָך די אַנדערע אָנגעהויבען באַווייזען פאָרשטעהער פון פאַרשידענע „מעלכע", וואָס זיינען געקומען צו פאַרמאַכען די „אינלענדישע פאַרזאַמלונג". אין א נערוועזער צערייצטער אַטמאָספער איז אויסגעקומען אייניגע רעדנער פּראָוועצען זייערע רעדעס, בשעת אין זאַל זיינען געפירט געוואָרען אונטערהאַנדלונגען מיט די מושלים וועגען דער פּאָליטישער כשר'קייט פון דער זיצונג פון'ם נאַציאָנאַל-ראַט ביים אידישען מיניסטעריום. ביז די לעצטע שעה פון דער זיצונג האָט סוף כל סוף געשלאָגען. א פאָרשטעהער פון דער פאַרבינדעטער מאַכט האָט די זיצונג פאַרמאַכט... און עס האָט זיך דערהערט: „ראוס, ראוס!..."

* * *

די זיצונג עפענט זיך האַלב ניין אָווענד. פאַרזיצער זיינען פון אָנהויב ה' זרבבל און דערנאָך הבר ברוק.

דער סדר-היום:

1) די לאַגע פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע (באַריכט פון דער דעלעגאַציע צום פּרעמיער ליזאָגוב)
2) געזעצפּראָיעקט וועגען צוואַנגס-שטייער.
3) מעלדונג פון'ם פּרעזידיום.
און 4) וועגען פאָרפּאַרלאַמענט.

דעם באַריכט פון דער דעלעגאַציע פון'ם נאַציאָנאַל-ראַט צו ליזאָגוב'ן מאַכט ה' זילבערפאַרב.

ער ערקלערט, אַז דער פּרעמיער האָט אַרויסגעוויזען גרויס עם-הארצות אין דער פראַגע וועגען די צווישען-פעלקערליכע באַציהונגען, וועלכע ווערען איינגעשטעלט אין לאַנד אָדאַנק דער נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

ער האָט ערקלערט די „אויטאָנאָמיע" אַלס א פאַקטאָר, וועלכער פאַרשאַרפט די נאַציאָנאַלע רייבונגען. אזוי, למשל, האָט ער אָנגעוויזען, אַז עסטרייך, וואו ס'איז כלומרשט דורכגעפירט (?) דער געזעץ וועגען דער אויטאָנאָמיע, איז א קלאַסישע לאַנד פון נאַציאָנאַלע סכסוכים.

ווען די פאָרשטעהער פון דער דעלעגאַציע האָבען אָנגעוויזען, אַז אפילו ביים צאַרישען רעזשים פלעגט מען אויסהערען די מיינונג פון פאָרשטעהער פון באַזונדערע נאַציאָנען, ווען מ'האָט געדאַרפט דורכפירען א וועלכען ס'איז געזעץ, וואָס רירט אָן זייערע אינטערעסען—האָט דער פּרעמיער פאָרגעשלאָגען צושטעלען אים א מעמאָראַנדום וועגען אַלץ וואָס זיי האַלטען פאַר נויטיג.

ה' ליזאָגוב האָט אויך אָנגעוויזען אויף דעם, אַז אין מיניסטאָרען-קאַבינעט איז פאַראַן א אידישער מיניסטער, און ער, הייסט עס, זאָרגט שוין וועגען די אידישע אינטערעסען...

די דעלעגאַציע האָט קאַטעגאָריש ערקלערט, אַז דער ה' גוטניק קאָן נישט פאַררעכענט ווערען ניט נאָר פאַר א פאָרשטעהער פון אידישען פאָלק נאָר אפילו פון קיין שום באַדייטענדער גרופּע אין'ם אידישען פאָלק.

דער פּרעמיער איז אויך נעהען כלומרשט איבעראַשט פון דער אָנטרעקונג, וואָס די דעלעגאַציע האָט אים געמאַכט, אַז די אָפּשאַפונג פון דער אויטאָנאָמיע מאַכט א תל פון די קהלות.

ער האָט דעריבער ווייטער אַן עצה געגעבען זיי צושטעלען אים א מעמאָראַנדום...

נאָך דעם באַריכט פון ה' זילבערפאַרב זיינען אַרויסגעטראָטען מיט באַריכטען די דריי דירעקטאָרען פון די דעפּאַרטאַמענטען פון אידישען מיניסטעריום.

דער דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט פאַר אַלגעמיינע ענינים ה' נעיגעל האָט אין זיין באַריכט אָנגעוויזען, אַז פאַר דעם דעפּאַרטאַמענט זיינען געשטאַנען דריי אויפגאַבען: פאַרזיכערען די פּאָליטישע און בירגערליכע רעכט פון דער אידישער באַפעלקערונג, געזעצגעבערישע און אַדמיניסטראַטיוו-טעכנישע אַרבייט.

די אַרבייט איז נאָך דער איבערקערעניש פאַראַליזירט געוואָרען צוליב דעם, וואָס ס'איז נישט געווען קיין מיניסטער—דאָך האָט דער דעפּאַרטאַמענט פיל אויפגעטאָן: ס'האָט זיך איינגעגעבען אָפּהאַלטען אָדער אפילו באַזייטיגען רדיפות אויף די קהלות און אויף די טעכנישע קאָמיסיעס, וואָס האָבען געדאַרפט דורכפירען די וואַלען אין די קהילות.

דער וויצע-דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט פאַר פאָלקס-בילדונג ה' בראָן ווייזט אָן דערויף, אַז די אַרבייט איז פיל געשטערט געוואָרען צוליב דעם, וואָס ס'איז ניטאָ קיין געזעץ וועגען שול-פאַרוואַלטונג.

דאָס נוצען אויס פאַרשיידענע פאָרשטעהער פון דער מאַכט. אַזוי, למשל, האָט דער געוועזענער טשערניגאָווער גובערניאַלער סטאַראָסטע אָנגעגעבען אין קרייז-געריכט א פּראָטעסט אויף דעם באַשלוס פון קאָנאָטאָפּער שטאָט-דומע וועגען אַסיגנירען געלד-מיטלען פאַר אידישע שולען.

דער דאָזיגער סטאַראָסטע איז איצט באַשטימט געוואָרען אַלס א וויצע-מיניסטער פאַר אינערע ענינים.

די לאַגע פון פיל אידישע שולען, וועלכע זיינען אַריינגענומען געוואָרען אין דער אַלגעמיינער שול-נעץ און באַקומען אַסיגנירונגען פון די דומעס און זעמסטוועס, איז דורכדעם גאָרניט זיכער.

מיט גרויס מיה האָט זיך איינגעגעבען איבעראַנדערשען די קאַזיאָנע אידישע שולען אין העכערע אָנפאַנג-שולען, נאָר דערווייל איז, צום באַדויערען, איבערגעביטען געוואָרען נאָר די פאָרמע, אָבער ניט דער אינהאַלט פון די שולען.

אויפ'ן געביט פון פאַרבאַרייטען לערער האָט זיך איינגעגעבען צו עפענען צייטווייליגע לערער-קורסען און אויך שטענדיגע אָנשטאַלטען, ווי די אידישע סעמינאַריע, וועלכע דאַרף נאָך געעפענט ווערען.

דער דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט פאַר נאַציאָנאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונג ה' רעוואוצקי האָט, ערשטענס, אָנגעוויזען אויף די פיל שטערונגען, וואָס די טעטיגקייט פון דעפּאַרטאַמענט האָט באַגעגענט צוליב די אָפטע פּאָליטישע איבערקערענישען אין לאַנד. דאָך האָט זיך איינגעגעבען אָרגאַניזירען כמעט 190 אידישע קהלות.

דער דעפּאַרטאַמענט האָט אין זיין רשות געהאַט נאָר 2 חדשים (מאַרט און אַפּריל) פון אינטענסיווער אַרבייט. דערנאָך האָט אָנגעהויבען הערשען די יאוש-שטימונג.

איצט איז די לאַגע אין די קהלות א טראַגישע צוליב דעם, וואָס עס זיינען נישטאָ קיין געלד-מיטלען. דער דעפּאַרטאַמענט האָט גענומען אין זיינע הענט די רעשטען פון דער קאָראָבקע. אויף אָפּשאַפען די קאָראָבקע האָט דער דעפּאַרטאַמענט ניט געקאָנט נעמען אויף זיך די אחריות ביז די עקזיסטענץ פון די קהלות וועט ניט געזיכערט ווערען דורך א געזעץ וועגען א צוואַנגס-שטייער.

קיין געזעץ איז צוליב באַוואוסטע טעמים ניט דורכגעפירט געוואָרען, אָבער די קאָראָבקע, חוץ אין אָדעס, גיט סיי ווי סיי ניט קיין מיטלען די קהלות.

ה' רעוואוצקי האָט ווייטער אונטערגעשטראָכען, אַז דאָס אידישע מיניסטעריום האָט פאַר דער לעצטער צייט קיין גרויסע השפעה ניט געקאָנט האָבען צוליב די נייע פּאָליטישע באַדינגונגען.

אַזוי, למשל, האָבען ניט געקאָנט איבערגענומען ווערען די קאַפּיטאַלען פון די אידישע קאָלאָניסטען, וועלכע זיי האָבען געוואָלט פאַרטרויען דעם מיניסטעריום.

ה' רעוואוצקי ענדיגט זיין באַריכט דערמיט, וואָס ער קאָנסטאַטירט, אַז אַלע די אידישע קהלות אָהן אונטערשייד פון שאַטירונגען קעמפען פאַר זייער עקזיסטענץ און אינהאַלט. דאָס גיט האָפנונג, אַז עפּעס פון דער אויטאָנאָמיע וועט דאָך בלייבען...

נאָך די באַריכטען פון די דירעקטאָרען זיינען אַרויסגעטראָטען פאָרשטעהער פון אַלע פראַקציעס מיט מעלדונגען וועגען דעם באַריכט פון דער דעלעגאַציע ביי ליזאָגוב'ן.

דער פאָרשטעהער פון דער בונדישער פראַקציע—ה' חפץ חזרט איבער דעם שטאַנדפּונקט פון „בונד" וועגען דעם צוזאַמענהאַנג צווישען דער „גוי'שער" און אידישער רעוואָלוציע. ווייבאַלד אַז אויף דער „גוי'ישער" גאַס הערשט איצט די רעאַקציע מוז ממילא אויך אויף דער אידישער גאַס די רעאַקציע הערשען. און דער רעדנער באַמיהט זיך צו „געפינען" די רעאַקציע אין דעם „רעכטען" פליגעל פון נאַציאָנאַל-ראַט, ווא אפילו דער פאָרשטעהער פון „אחדות" הרב זעווין האָט מיט גרויס התלהבות אויסגעשריען, „לעבען זאָל די נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע"... דערביי געפינט דער רעדנער פאַר מעגליך אין דעם היסטאָרישען מאָמענט פון דער היסטאָרישער זיצונג צו מאַכען זיינע קליינליכע חשבונות, רעקלאַמירענדיג דערביי זיין פּאַרטיי.

ה' ליטוואַקאָוו („פאַראייניגטע") זאָגט זיך שאַרף אַרויס קעגען דער שטרעבונג „עטוואָס" צו ראַטעווען פון דער אויטאָנאָמיע. זילבערפאַרבס פּערזענליכע איינדרוקען האָבען ניט קיין שום געזעלשאַפטליכען ווערט און בויען אויף זיי קאָן מען גאָר ניט. סליאָזבערג, אין דער צייט פון זיין שתדלנות פלעגט אַמאָל האָבען אַזוינע פּערזענליכע איינדרוקען פון זיינע וויזיטען ביי סטאָליפּינען.

ה' ליטוואַקאָוו מיינט, אַז דער נאַציאָנאַל-ראַט טאָר ניט אויפהערען עקזיסטירען, כל זמן ער וועט ניט צונויפרופען דעם פאָרפּאַרלאַמענט. די וואַהלען מוזען

פאַרקימען אין באַשטימטען טערמין. אויב די רעכטע פאַרטייען ווילען זיין לאיאַל, זיינען זיי אויך מחויב אָבצוהיטען דאָס ביסעל ירושה און מיטהעלפען צונויפצורופען די נאַציאָנאַל=פאַרזאַמלונג. דאָרט וועלען מיר קעמפען.

דער נאַצ.-ראַט דאַרף אויסדריקען זיין שאַרפסטען פּראָטעסט געגען דעם אָנפאַל אויף דער אויטאָנאָמיע.

זרובבל (פּועלי-ציון) ווייזט אָן, אַז דער אידישער חורבן איז אַ רעזולטאַט פונ'ם חורבן פון דער רעוואָלוציע, ווייל נאָר מיט די רעוואָלוציאָנערע קרעפטען האָט מען געקאָנט בויען די נאַצ.-אויטאָנאָמיע. דעריבער טאַקי האָבען מיר געזאָגט, אַז די ציוניסטען און „אחדות" קענען ניט בויען די אויטאָנאָמיע. דאָך קען מען ניט זאָגען,—דערוועגט זיך ה' זרובבל מודה צו זיין—אַז זיי האָבען די אויטאָנאָמיע באַגראָבען. (אַזאַ אפּיקורסות פון אַ פּועל-ציון!) דער היפּט-שונא איז די אַלגעמיינע פּאָליטישע רעאַקציע און מיט איר דאַרף מען קעמפען. מ'דאַרף בלייבען רוהיג און שאַרף פּראָטעסטירען. מיר דאַרפען געדענקען, אַז נאַציאָנאַלע רעכט זיינען ענג פאַרבונדען מיט בירגערליכע.

דער רעדנער באַמערקט ווייטער, אַז דער איצטיגער חורבן איז נאָר אַן עפּיזאָד אין דער אַלגעמיינער לאַגע פון אידישען פאָלק, און די ענדגילטיגע לעזונג פון דער אידישער פראַגע קען קומען נאָר אין פּאַלעסטינאַ.

בנוגע די קאָנקרעטע אויפגאַבען פונם מאָמענט, דאַרף דער נאַצ. ראַט זיך ווענדען מיט אַן אויפרוף צו דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג און שאַרף פּראָטעסטירען געגען דעם פאַרברעך, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרען געגען אידישען פאָלק, געגען דער דעמאָקראַטיע און געגען די אינטערעסען פון אוקראַינע גופא. מ'דאַרף אָרגאַניזירען די אידישע מאַסען אַרום די קהלות און אַרום דעם נאַצ. ראַט.

דער נאַצ. ראַט דאַרף זיך אויך ווענדען נאָך שטיצע צו דער דעמאָקראַטיע פון דייטשלאַנד און עסטרייך.

ה' מערעמינסקי (צעירי ציון) שטרייכט אונטער די וויכטיגקייט און ערנסטקייט פונ'ם מאָמענט. דער אָנפאַל פון דרויסען צייגט איבעררייסען די אינווייניגסטע מחליקות. ס'איז שוין אמת צייט צו שאַפען איין פראָנט געגען דעם אויסערליכען שונא. דער רעדנער רעקט אויף די שווערע פעהלער, וואָס האָט געמאַכט דער אַזוי גערופענער „לינקער פליגעל" און שטעלט פעסט, אַז די אידישע באַפעלקערונג אויף אוקראַינע געפינט זיך נאָך 6 חדשים פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין אַ שווערער לאַגע; אַנשטאָט אַ געזעץ וועגען דער קהלה האָבען מיר באַקומען אַ געזעץ וועגען וואַהלען, אַנשטאָט שולען— באַגרענצונגען בנוגע צו העברעאיש און אַזוי ווייטער. ס'זיינען אַלץ סמנים פון אַ פּאָליטיק, וואָס די מינדערהייט האָט געפירט געגען דער מערהייט. איצט מוז מען זעהען וואָס גיכער צונויפרופען דעם ועד הקהלות, כדי צו באַזאָרגען די קהלות מיט אַ געהעריגען פינאַנציעלען און יורידישען באָדען, ראַטעווען די גרונד-יסודות פון דער אויטאָנאָמיע. מיר האָפען, אַז די אַרבייטענדע אידישע מאַסען וועלען פאַרטזעצען דעם קאַמף פאַר די נאַציאָנאַלע רעכט און וועלען סוף-כל-סוף מנצח זיין.

דער פאַרשטעהער פון „בונד" האָט געענדיגט זיין רעדע מיט דעם אַז אַ פאָלק, וואָס קען נאָר פאַרלירען, דאַרף בייגען דעם קאָפּ פאַר דער אַלגעמיינער דעמאָקראַטיע. מיר זאָגען: דאָס פאָלק, וואָס פאַרלירט אַ סך און דאָך קומט עס אַלץ נעהענטער צום ציעל, וועט ניט בייגען דעם קאָפּ ניט פאַר די שונאים פון דרויסען און ניט פאַר די סקעפּטיקער פון אינווענייג.

הרב זעווין (אחדות) דריקט אויס דעם טיפען צער פון זיין פראַקציע צוליב דער אָבשאַפונג פון דער נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע. דער חורבן רירט אָן אַלעמען, אַלע גרופּען אין אידענטום, ווייל ער צושטערט דעם בנין. פון אונזער נאַציאָנאַלען לעבען. מיר האָבען די גאַנצע צייט געשטרעבט אָבצוהיטען דאָס, וואָס מיר פאַרמאָגען, און דעריבער נאָכגעגעבען און געגאַנגען אויף פשרות. מיר זיינען זיכער געווען, אַז אין'ם פּאַרפּאַרלאַמענט וועלען מיר האָבען אַ מערהייט. מען דאַרף וואָס גיכער צונויפרופען דעם ועד הקהלות און אַרום אים אָרגאַניזירען אַלע קרייזען פון פאָלק.

די פראַקציע „אחדות" זאָגט זיך אַרויס דערפאַר, אַז דער נאַצ. ראַט זאָל אַרויסטראָגען זיין שאַרפסטען פּראָטעסט געגען דעם אָנפאַל אויף דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. דאָס איז אָבער ווייניג, מ'דאַרף ראַטעווען די קהלות, איינפירען דעם צוואַנגס-שטייער. מען דאַרף אָבהיטען דאָס, וואָס ס'איז מעגליך אָבצוהיטען.

מען טאָר ניט פאַרלירען דעם מוט. דאָס אידישע פאָלק האָט איבערגעלעבט גענוג אומגליקען, עס וועט איבערלעבען אויך דעם איצטיגען אומגליק. די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז געשטאָרבען, זאָל לעבען די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע! (אַפּלאָדיסמענטען).

ה'. מ. גראָסמאַן: ערשט מיט צוויי וואָכען צוריק האָבען מיר אויף אַ זיצונג, אויף איינע פון די זעלטענסטע און רוהיגסטע, אויספירליך באַטראַכט דעם ביודזשעט פון דער צייטווייליגער נאַציאָנאַלער

פאַרזאַמלונג, וועלכע וועט צונויפגערופען אויף'ן סמך פונ'ם געזעץ וועגען נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע. און אין דערזעלבער נאַכט, אין אַן אַנדער זאַל, זיינען געזעסען אַנדערע מענשען און האָבען רוהיג און גלייכגילטיג אָבגעשאַפען דאָס, וואָס איז אונז אַזוי טייער. דער דאָזיגער פאַקט קלינגט ווי אַ בייזע איראָניע, ווי אַ קרומער שמייכעל פון דער געשיכטע, וואָס אַנטפּלעקט אונזער גאַנצע הילפלאָזיגקייט. מיר זיינען אַ שפּילצייג אין די הענד פון אויסערע אומשטענדען. געוויס, איז דער קלאַפּ, וואָס מיר האָבען באַקומען, אַ רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער רעאַקציע, אָבער פיל ערגער איז דאָס, וואָס מיר חשדען, אַז אונזערע פּראָטעסט-רופען וועלען בלייבען אָהן אַ תשובה, אַז די מידקייט פון דער אידישער באַפעלקערונג, וועלכע איז צוליב דעם שולד פון דעם לינקען פליגעל דערצו נאָך ניט אַריינגעצויגען געוואָרען אין'ם קרייז פון די נאַציאָנאַל-פּאָליטישע אינטערעסען, איז צו גרויס. ס'איז שווער צו האָפען אויף אַ געהעריגען אָפּקלאַנג. און דאָס מוז מען באַרעכענען.

דער רעדנער ווייזט אָן דעריף, אַז מען האָט באמת צו ווייניג געטון כדי צו ראַטעווען, וואָס מ'קען. מען האָט געלעבט מיט אַ צו גרויסען בטחון אויף אויסען, מען האָט געהאָפט: אפשר... מען מוז זיך דעריבער איצט רעכענען מיט דער געשאַפענער לאַגע און ניט שוועבען אין די וואָלקענס. איצט איז ניט קיין צייט פון בויען נייס, איצט מוז מען קודם כל פאַרהיטען דאָס עראָבערטע, איינהאַלטען דאָס אויפגעבויטע...

(נאָך בשעת די רעדעס פון די הה' זרובבל און רב זעווין איז צום פּרעזידיום-טיש צוגעקומען אַ בעאַמטער פון דער מיליציע און נאָכגעפרעגט, וואָס פאַר אַ פאַרזאַמלונג קומט דאָ פאָר און צי איז פאַראַן אַן ערלויבעניש. דער פּרעזידיום האָט אים געגעבען דעם געהעריגען ענטפער. דער בעאַמטער האָט פאַרלאָזט דעם זאַל און די זיצונג איז רוהיג פאָרטגעזעצט געוואָרען; די שטימונג אין זאַל איז אָבער געוואָרען אַ געהויבענע. דער עולם איז געוואָרען נערוועז, דאָך האָבען אַלע רוהיג אָבגעוואַרט. אין מיטען פון דער רעדע פון חבר גראָסמאַן האָבען זיך ווידער באַוויזען פאַרשטעהער פון דער מאַכט און געפאָדערט שליסען די פאַרזאַמלונג. דער רעדנער האָט פאָרטגעזעצט די רעדע, נאָר צוליב דעם טומעל און פאַרלאַנג געמוזט אָבשטעלען זיך. נאָך אַ שמועס מיט'ן פּרעזידיום פאַרלאָזען די מיליציעס-בעאַמטע דעם זאַל צוזאַמען מיט די פאַרשטעהער פון דעם אידישען מיניסטעריום).

ה' גראָסמאַן זעצט פאָר זיינע איבערגעריסענע רעדע. ער צייכענט אָן אַ פּלאַן פון דער קינפטיגער אַרבייט און פאַרלאַנג מען זאָל זיך אָבזאָגען פון דער אויסערליכער אָריענטאַציע, מען זאָל בויען מער אויף די אינערע כחות פונ'ם אידישען פאָלק. עס מוז געשאַפען ווערען באַלד אַ נאַציאָנאַלער צענטר, וועלכער זאָל פאַקטיש אַנפירען מיט ד אויטאָנאָמע אַנשטאַלטען אויף די ערטער. מען מוז ראַטעווען דאָס, וואָס עס לאָזט זיך ראַטעווען—דער דאָזיגער מאָטיוו האָט זיך געהערט היינט אין אַלע רעדעס. אויף קיין איין רגע טאָרען מיר ניט איבערלאָזען די קהלות אָהן אַ צענטראַלען אָרגאַן.

(ה' גראָסמאַן מוז ווידער איבעררייסען די רעדע, ווייל צום פּרעזידיום-טיש קומט צו אַ נייער פּאַטרול, דאָס מאָל ניט קיין אוקראַינישער. צווישען די אָנגעקומענע און דעם פּרעזידיום פאַרפירט זיך אַ געשפּרעך אויף דייטש. דער נייער פּאַטרול, וואָס ווערט אָנגעפירט פון אַן אָגענט אין ציווילען קאָסטום פאַרלאָזט אָבער אויך דעם זאַל, כדי צו קריגען נייע אינפאָרמאַציע).

ה' גראָסמאַן: איך זעה אונגעדולדיגע באַוועגונגען מצד די מיטגלידער פון נאַציאָנאַל-ראַט. איך וועל קיינמאָל ניט ענדיגען, אויב יעדע צעהן מינוט וועלען זיך אין זאַל באַווייזען פאַרשטעהער פון אַן אַנדער מאַכט...

איך פאָרמולירע אונזער מיינונג: דער נאַציאָנאַל-ראַט דאַרף עקזיסטירען ביז ס'וועט זיך ניט צונויפקומען דער פאָרפּאַרלאַמענט, ער דאַרף דערווייל אויסאַרבייטען די נויטיגסטע געזעצען און זעלבסט פאַרשטענדליך פאַרענדיגען די וואַהלען אין דער צייטווייליגער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג.

ס'טרעט אַרויס דער לעצטער פראַקציאָנס-רעדנער **ה' לאַצקי** (פאָלקספּאַרטיי), וועלכער ווייזט אָן, אַז די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז ביים אידישען פאָלק געווען אַ געהויבענער אידעאַל פון קדמונים. אין דעם געשטאַלט פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע נעמט מען ביי אונז צו אונזער נאַציאָנאַלען פנים. שולדיג דערין זיינען ניט נאָר די אויסערליכע סבות, כאָטש ס'איז כדאי צו באַמערקען, אַז אונזערע נאַציאָנאַלע און דעמאָקראַטישע עראָבערונגען שאַפט אָב דוקא דאָס קאַדעטישע, דאָס „זאַכליכע" מיניסטעריום. שולדיג זיינען מיר אויך. מען מוז אין אַזאַ יום-הדין מאַכען אַ שטיקעל חשבון הנפש. מיר זיינען נאָך ניט דערוואַקסען צו דער אויטאָנאָמיע. אַ סימן—גוטניק, וועלכער איז דאָך ניט קיין משומד, וועלכער געהערט צו אַ אידישער פּאַרטיי, וואָס רופט זיך אפילו פאָלקס-גרופּע. דער פאַרראַט פון אָט דער גרופּע מוז פאַרשריבען ווערען לדורות.

בנוגע צו די איפגאבען פון מאמענט זאגט זיך ה' לאצקי ארויס פאר יענער סטראטעגישער טאקטיק, וואס באשטעהט אין אבטרעטען, בכדי צו גרייטען זיך צום אנפאל. דער נאציאנאל-ראט דארף ראטעווען דאס, וואס מ'קען ראטעווען. מען מוז זיך רעפארמירען פון אונטען, בכדי מ'זאל עס ניט טאן פון אויבען.

בשעת די פארשטעהער פון די פראקציעס ארבייטען אויס א פראעקט-רעזאלוציע, טרעט ארויס ה' עטקין מיט א ערקלערונג וועגען דעם וואס די מיליציע האט פארבאטען א לעקציע אויף אידיש. ה' עטקין לייגט פאר א רעזאלוציע, אין וועלכער דער נאציאנאל-ראט פראטעסטירט געגען דער עולה אין פארלאנגט רעכט פאר דער אידישער שפראך.

צום פרעזידיום-טיש קומט צו אנאפיציר און פאדערט די זיצונג צו פארמאכען. די ערקלערונגען פונ'ם פרעזידיום וועגען דעם חילוק צווישען א פארזאמלונג און זיצונג העלפען ניט. דער ה' עטקין לייענט ווייטער די רעזאלוציע. דער גאנצער זאל אפלאדירט

דער פארזיצענדער איז געצוואונגען סוף-כל-סוף צו ערקלערען, אז צוליב'ן צוואנג פון פיזישער מאכט מוז די זיצונג פון נאציאנאל-ראט היינט געשלאסען ווערען. דער נאציאנאל-ראט בלייבט עקזיסטירען און א זיצונג וועט פארקומען אין די נאהענטסטע טעג.

זיצונג פון 22-טען יולי.

די זיצונג קומט פאר היינטיגס מאל אין דער געביידע פונ'ם אידישען מיניסטעריום. דאס פובליקום ווערט ניט אריינגעלאזט. אויסער די מיטגלידער פון נאציאנאל-ראט געפינען זיך אינ'ם קליינעם זאל בלויז די פארטרעטער פון דער פרעסע.

אין אנהייב פון דער זיצונג ווערט איינשטימיג אנגענומען די פאלגענדע פראעקט-רעזאלוציע:

„אויסהערענדיג די מעלדונג פונ'ם פרעזידיום איבערן באשלוס פון דעם מיניסטארען-ראט פון 8 יולי אבצושאפען דעם געזעץ פון 9 יאנוואר 1918 וועגען דער נאציאנאל-פערסאנאלער אווטאנאמיע, האט דער אידישער נאציאנאל-ראט אויף זיין זיצונג פון 22 יולי איינשטימיג אנגענומען די פאלגענדע רעזאליוציע:

אנערקענענדיג: 1) אז די נאציאנאל-פערסאנאלע אווטאנאמיע איז די איינציגע גאראנטיע פאר א פרידליכען צוזאמענלעבען פון אלע פעלקער און א פרייער אנטוויקלונג פון אוקראינע בכלל און איר נאציאנאלע מינדערהייטען בפרט; 2) אז דער באשלוס פון 8 יולי, וועלכער איז א רעזולטאט פון דער צייטווייליגער אלגעמיינער פאליטישער רעאקציע, שטרעבט צו מאכען א סוף מיט דער וויכטיגסטער עראבערונג פון דער גרויסער רוסלענדישער רעוואליוציע, מיט דער נאציאנאלער פרייהייט, שטעלט ווידער אויף דעם אלטען רעזשים פון נאציאנאלער אונטערדריקונג לטובת די הערשענדע גרופען און באדראהט די עלעמענטארע בירגער-רעכט פון דער אידישער באפעלקערונג אין אוקראינע; 3) אז דער באשלוס נעמט אב ביי דער אידישער באפעלקערונג, וועלכע האט צוזאמען מיט אנדערע פעלקער פון אוקראינע געקעמפט פאר נאציאנאלער פרייהייט, די מעגליכקייט צו בויען די ארגאנען פון איר נאציאנאלער זעלבסטפארוואלטונג אויף עפענטליך-רעכטליכע יסודות, און שאפען א דעמאקראטיש געוועהלטע פארטרעטונג פאר דער אידישער נאציע, דריקט אויס דער נאציאנאל-ראט, דער העכסטער אידישער פארטרעטונגס-ארגאן, זיין שארפסטען פראטעסט געגען דער גוואלד-טאט פון דער רעגירונג און ערקלערט, אז קיין שום צושטערונגס-כחות, קיינע אנפאלען פון דער רעאקציע וועלען ניט אפהאלטען דאס אידישע פאלק פון דעם ווייטערדיגען אומערמידליכען קאמף פאר זיין נאציאנאלער אויטאנאמיע".

אין נאמען פון דער פראקציע „אחדות" ערקלערט דער רב זעווין, אז זיין פראקציע וועט שטימען פאר דער רעזאלוציע, אבער דעם קאמף פאר דער נאציאנאלער אויטאנאמיע פארשטעהט זי נאר אלס קאמף מיט געזעצליכע מיטלען און נאר אין אזא קאמף וועט זי זיך באטייליגען.

נאכדעם באטראכט מען דעם פארשלאג פון הויפט-וואהל-ביורא וועגען דעם טערמין פון דער עפענונג פון פארפארלאמענט. דאס ביורא לייגט פאר צונויפצורופען די נאצ. פארזאמלונג אין צוויי וואכען ארום נאך דעם לעצטען טאג פון די וואהלען.

ס'ווערט באשלאסען צונויפצורופען דעם פארפארלאמענט דעם 6-טען אויגוסט, ד. ה. צוויי וואכען נאך דעם לעצטען טאג פון די וואהלען; אין

פאל פון אויסערגעוועהנליכע אומשטענדען האט דער פרעזידיום פון נאציאנאל-ראט צוזאמען מיט'ן הויפט-וואהל-ביורא דאס רעכט אבצולייגען די עפענונג פון פארפארלאמענט, נאר ניט מער, ווי אויף צוויי וואכען.

בשעת מ'האט באטראכט די פראגע וועגען דעם כאראקטער און סדר-היום פונ'ם פארפארלאמענט אנטוויקלען זיך הייסע דעבאטען. אין נאמען פון א ספעציעלער קאמיסיע (לאצקי, אנין און גראסמאן), וועלכע איז באשטימט געווארען דורכ'ן פרעזידיום, כדי אומצוענדערן דעם סטאטוט פון פארפארלאמענט, ערקלערט דער ח' גראסמאן, אז די קאמיסיע איז געקומען צום באשלוס, אז דער פריהערדיגער סטאטוט קאן איצט, נאך דער אבשאפונג פון דער נאציאנאלער אויטאנאמיע, לחלוטין ניט גילטען; מ'דארף אויסארבייטען א נייעם. דער פארפארלאמענט מוז איצט באקומען א נייעם כאראקטער. וואס אנבאלאנגט דעם נאמען, לייגט די קאמיסיע פאר, או דער פארפארלאמענט זאל טראגען דעם נאמען „אידישער נאציאנאל-ראט" אדער „פארזאמלונג פון פארשטעהער פון אידישע קהלות".

ה' רעוואוצקי, (פועלי ציון) לייגט פאר איבערצוגעבען די פראגע—וועגען דער קאמפעטענץ פונ'ם פארפארלאמענט—אין דער געזעצגעבערישער קאמיסיע.

ח' קאפלאן (צעירי-ציון): ניט דער נאמען און ניט דער סטאטוט זיינען דא וויכטיג, דער עיקר איז צו באשטימען דעם אינהאלט פונ'ם פארפארלאמענט. און דאס דארף מען איבערגעבען די פראקציעס צו באטראכטען. איצט דארף מען דא באקלערען, וואס האט צו טון דער פארפארלאמענט, אויסארבייטען פאר אים געזעצען, צוגרייטען זיך.

ה' חורגין (פאראייניגטע) לייגט אויך פאר איבערגעבען די פראגע וועגען פארבערייטונגס-ארבייט אין די פראקציעס.

ח' גראסמאן (ציוניסט) פארטיידיגט דעם פארשלאג פון דער קאמיסיע וועגען באשטימען דעם כאראקטער און דעם נאמען פון פארפארלאמענט. ער זעהט דא ניט קיין שום ערנסטען פאליטישען מאמענט, מ'דארף פשוט לעגאליזירען דעם פארפארלאמענט, כדי מ'זאל אים קאנען אויפ'ן געזעצליכען אופן ארגאניזירען. און איז דאך אבהענגיג דערפון צי מיר וועלען קענען צונויפרופען די פארשטעהער פון די קהלות. די גאנצע פראקטישע ארבייט איז דערפון אבהענגיג. ס'האנדעלט זיך ניט וועגען דעם אינהאלט, נאר וועגען דער פארם.

לסוף ווערט באשטימט איבערצוגעבען די פראגען די פראקציעס און דערווייל אויסארבייטען א רשימה פון יענע געזעץ-פראיעקטען, וועלכע דארפען צוגעשטעלט ווערען דער צייטוו. נאצ. פארזאמלונג.

ס'ווערט אנגעמערקט די פאלגענדע רייהע געזעץ-פראיעקטען:

1) סטאטוט פון אידישען נאציאנאלען פארבאנד.

2) געזעץ-פראיעקט וועגען די פינאנציעלע יכולת פון דער קהלה.

3) געזעץ-פראיעקט וועגען דער ארגאניזאציע פון דער קהלה.

4) געזעץ-פראיעקט וועגען קאמפעטענץ פון דער קהלה.

5) געזעץ-פראיעקט וועגען מעטריקאציע.

6) געזעץ-פראיעקט וועגען די אויסערע רעכט פון די אידישע שפראכען.

אויסער דעם ווערט באשלאסען, אז דער פרעזידיום פון נאצ. ראט זאל שאפען א טעכנישע קאמיסיע פאר די טעכנישע הכנות צום פארפארלאמענט.

דער נאציאנאל-ראט באשליסט ווייטער, אז די גאנצע ליקווידאציאנס-ארבייט פון אידישען מיניסטעריום און פון נאצ.-ראט גופא דארף נעמען אויף זיך דער פרעזידיום פון נאצ.-ראט.

ה' מערעמינסקי (צעירי-ציון) לייענט פאר דעם פראטעסט פון דער ציוניסטישער יוגענד אין אוקראינע געגען דער אבשאפונג פון דער נאציאנאל-פערסאנאלער אווטאנאמיע.

זיצונג פון 8 יולי.

פארזיצענדער—ה' ווילבערפארב.

די זיצונג געהערט צו איינע פון די וויכטיגסטע זאכליכע און ערנסטע.

די ערשטע מעלדונג מאכט ה' עטקין, אז דאס הויפט-וואהל-ביורא איז געצוואונגען פארצושלאגען אפצולייגען ד וואהלען ביז'ן 21-23 יולי.

עס ווערט איינשטימיג באשלאסען, אז די וואלען צום פארפארלאמענט זאלען פארקומען דעם 21-23 יולי. דער ח' מערעמינסקי פרעגט צי דאס הויפט וואל-ביורא לעגט אפ די וואלען צום לעצטען מאל, און צי עס זיינען די טעכנישע סבות באוויזען. דער ה' עטקין מעלדעט, אז דאס איז צום לעצטען מאל.

אין נאמען פון די ציוניסטישע פראקציעס מאכט א מעלדונג ה' גראסמאן, אין וועלכער ער ווייזט אן אויף דער שווערער לאגע, אין וועלכער עס געפינט זיך די משפחה פונ'ם גרויסען אידישען דיכטער י. ל. פרץ. דער צייט-ווייליגער אידישער נאציאנאל-ראט, אלס דער העכסטער צענטער פון אוקראינישען אידענטום, קאן ניט פארבלייבען גלייכגילטיג. דאס, וואס די משפחה פון אונזער י. ל. פרץ ליידט פון נויט איז א חרפה פאר דער אידישער באפעלקערונג. עס ווערט באשלאסען פארצושלאגען דעם פרעזידיום אויסארבייטען א פלאן, ווי אזוי צו העלפען פרץ'ס משפחה.

נאך א רייע קליינע מעלדונגען, געהט איבער דער נאציאנאל-ראט צו באטראכטען דעם ביודזשעט-פראיעקט פאר

די הצטרכות'ן פון דער ציטוו. נאציאנאלער פארזאמלונג. דער דאזיגער פראיעקט איז אויסגעארבעט געווארען פונם פרעזידיום און ער ווערט אריינגעטראגען דורך ה' חורגין (פאראייניגטע). דער גרונד-געדאנק פונ'ם פראיעקט איז אז דער פארפארלאמענט דארף זיין א מלוכה-אנשטאלט און דערפאר מוזען אלע זיינע הוצאות געדעקט ווערען אויפ'ן חשבון פון דער מלוכה.

לסוף ווערט דורכ'ן נאציאנ.-ראט אנגענומען דער ביודזשעט, וואס באטרעפט העכער פיער הונדערט טויזענד רובל: די דיעטע פאר 125 מיטגלידער פון פארפארלאמענט, אויף צוויי סעסיעס (60 טעג), רייזע-קאסטען, שכירות פארן פרעזידיום, דירה, באלייכטונג, באהייצונג און אלע הוצאות, וועלכע זיינען פארבונדען מיט דער ארבייט אין נ. ר.

נאך דעם ווי עס ווערט אנגענומען דער ביודזשעט-פראיעקט, מעלדעט דער פרעזידיום, אז ער האט אויף זיך ניט געוואלט נעמען פארשטעלען דעם פארוואלטער דער מאכט און האט צונויפגערופען די פארשטעהער פון אלע פראקציעס. די ציוניסטען און אחדות האבען זיך אבער אבגעזאגט צו באטייליגען זיך אין דער דאזיגער ארבייט, ערקלערענדיג, אז זיי געהען ניט אריין אין פרעזידיום און קענען ניט טראגען קיין אחריות פאר זיינע מעשים. אויף אזא אופן איז ער איז געצוואונגען צו ערקלערען, אז ער וועט אליין מוזען דורכפירען די שליחות פונ'ם נאצ. ראט.

ה' ליפעץ (בינה) פאלעמיזירט מיט די ציוניסטען, וועלכע „שטערען" דער ארבייט, און ווארפט פאר דעם פרעזידיום, פארוואס ער האט אליין ניט פארגעשטעלט דעם פארוואלטער, די מאכט זאל אים באשטעטיגען ס'איז דאך זעלבסט-פארשטענדליך, איז זיך מודה ה' ליפעץ, אז די ציוניסטען קענען זיך ניט באטייליגען אין דער ארבייט פון א פרעזידיום, וועלכען זיי געטרויען ניט.

ה' גראסמאן (ציוניסט) ערקלערט, אז די ציוניסטען, זייענדיג געגען דער פאליטיק און ארבייטס-פראגראם פון פארוואלטער, קענען ניט געהן אים פארשטעלען. ניט אויף דערויף זיינען די ציוניסטען ארוים פון פרעזידיום, אז זיי זאלען ארבייטען מיט איהם צוזאמען, ווען דאס וועט זיין נויטיג און ניציג פאר די „לינקע". דעם וויזיט צו ליזאגוב'ן זאלען די לינקע מאכען אליין. די ציונים ווילען דאס ניט טאן. מען מאר זיך דאך ניט מאכען נאאיוו. מיר האבען דאן ערקלערט, אז איטליכער פארוואלטער, וועלכער וועט אריינטראגען א געזעץ, וואס באגרענעצט די קאמפעטענץ פונ'ם פארפארלאמענט, וועט באקומען אונזער מיסטרוי. גילט איר נאך, אז מיר זאלען נאך געהען פריהער אים באשטעטיגען. מיר האבען אייך געגעבען א מעגליכקייט צו אויסוועהלען א פארוואלטער, אבער מיר האבען נאך פריער קאטעגאריש ערקלערט, אז מיר וועלען זיך האלטען פאסיוו, דאס איז אין איינקלאנג מיט אונזער אפשטימונג, ווען מיר האבען זיך אבגעהאלטען. איר רופט אונז, ווייל איר זעהט שוואך. דאן זייט זיך מודה אין האנדעלט אנדערש.

ה' זרובבל (פ"צ) געפינט, אז די ציונים דארפען אנטייל נעמען אין דער שליחות, אנווייזענדיג, אז צוליב דער ענדערונג פון מלוכה-רעזשים האבען די לינקע געעפענט די טירען פון נאציאנאל-ראט פאר די ציונים און אחדות.

ער ליינט פאר איבערגעהען צום ווייטערדיגען פונקט פון סדר היום.

דער פארשלאג ווערט אנגענומען.

די ציוניסטען האלטען זיך ביי דער אבשטימונג אב.

ה' ליפעץ מאכט א ערקלערונג:

„איך קאנסטאטיר, אז די אבשטימונג איז געווען די זעלבע, וואס בשעת וועהלען דעם פארוואלטער. די ציוניסטען האבען אויף זיך ניט געוואלט נעמען די אחריות פאר'ן פארוואלטער און איצט ווילען זיי ניט העלפען אים דורכפירען. וויכטיג איז אבער דאס, וואס זיי האבען מורא אונז צו שטערען".

ה' מערעמינסקי ערקלערט, אז די ציוניסטען זיינען טריי זייער פאזיציע און זיינען איינגעהאלטען אין זייערע פאדערונגען. מיר האבען ניט געקענט שטימען פאר דעם פארוואלטער נאך זיין אלגעמיין באקאנטער שטעלונג און באציהונג צו דער העברעאישער שפראך און שולע; אונזער מעהרהייט האט אבער אויך ניט געקענט זיין געגען, ווייל מיר האבען געהאפט, אז דער, וואס איז געווען צווישען די 35 וועט ניט אונטערהאלטען דעם געזעץ פון דער מינדערהייט וועגען באגרענעצען די קאמפעטענץ פון פארלאמענט.

לסוף ווערט דער פרעזידיום באפאלמעכטיגט צו מאכען א הלואה פון 6 מיט א האלבען טויזענד רובל, כדי צו דעקען די הוצאות פון הויפט-וואהל-ביורא.

דעם 11-טען יולי.

דער זאל פון „פאלאס", וואו עס האט געזאלט פארקומען די זיצונג פונ'ם נאציאנאל-ראט איז געווען פיל געפאקט. דער עולם האט אבער געמוזט לאנג ווארטען ביז דער עפענונג פון דער זיצונג און זיך דאך באלד פונאנדערגעגאנגען. דער פרעזידיום האט באשלאסען אבצולעגען די זיצונג.

א מיטגליד פונ'ם פרעזידיום מעלדעט:

— „אזוי ווי די פאליטישע שריט, וועלכע דער פרעזידיום האט באשלאסען אנצונעמען, כדי קלאר צו מאכען די לאגע זיינען נאך ניט געבראכט געווארען צו ענדע, ווערט די זיצונג פון נאציאנאל-ראט אבגעלעגט. דער פרעזידיום געפינט פאר נויטיג צו מעלדען, אז נעמענדיג אין באטראכט די געשאפענע לאגע און די נויטווענדיגקייט איינהייטליך ארויסצוטרעטען כלפי חוץ כדי צו שיצען די אויטאנאמיע זיינען די ציוניסטען און אחדות ווידער אריינגעטראטען אין פרעזידיום. דערביי האבען זיי ערקלערט, אז זיי וועלען אויך ווייטער קעמפען פאר די אידעען און פרינציפען פאר וועלכע זיי האבען געקעמפט אין נאציאנאל-ראט די גאנצע צייט.

פראטעסט פון דער ציוניסטישער יוגענד.

„דער ציטווייליגער אלאוקראינישער צענטראלער קאמיטעט פון די ציוניסטישע יוגענד-פארבאנדען און דער קאמיטעט פון דעם קיעווער ציוניסטישען יוגענד-פארבאנד „הדור הצער", וואס פארטרעטען דעם גרעסטען טייל פון דער אידישער יוגענד אויף

אוקראינע, דריקען אויס זייער שארפען פראטעסט קעגען דער אפשאפונג פון דער נאציאנאל-פערסאנאלער אויטאנאמיע און דער אריינפירונג פון באוואפענטער מאכט אויף דער זיצונג פון נאציאנאל-ראט. די ציוניסטישע יוגענד ווענדעט זיך צו דער יוגענד פון אנדערע שטרעמונגען צונויפגיסען זייערע שטימען אין איין מעכטיגען פראטעסט קעגען דער אריינמישונג אין דעם אינווייניגסטען לעבען פון דער נאציע און דעם צונישט-מאכען פון די עראבערונגען פון דער רעוואלוציע. די ציוניסטישע יוגענד אין אוקראינע, אין דער האפענונג אונטערשטיצט צו זיין דורך דער איבעריגער יוגענד, ווענדעט זיך צו די ברייטע מאסען פונ'ם אידישען פאלק מיט אן'אויפרוף לשם די יונגע דורות צונויפשליסען זיך ארום דעם נאציאנאל-ראט, אלס דעם ציטווייליגען פארשטייער פון דעם אידישען פאלק אויף אוקראינע און אויף אזא אופן צו פארטיידיגען אונזערע נאציאנאלע רעכט".

דער גורל פון די קהלות.

דער דירעקטאר פון דעפארטאמענט פאר נאציאנאלער זעלבסטפארוואלטונג ביים מיניסטעריום פאר אידישע ענינים א. רעוואוצקי בעט אונז מודיע צו זיין, אז הגם דאס מיניסטעריום פאר אידישע ענינים איז אבגעשאפט, בלייבט דער געזעץ פון 2 דעק. 1917 וועגען גרינדען אידישע קהלה-ראטען אין קראפט. דעריבער האבען די טעכנישע קאמיסיעס, וואס זיינען צוגעטראטען צו דורכפירען די וואהלען דאס רעכט און די פליכט דערברענגען זיי ביז'ן סוף.

אויפ'ן גרונד פון דעם ערקלערונג פון דעם פרעמיער-מיניסטער ליזאגוב ווערט די ארבייט פון אידישען מיניסטעריום פארטגעזעצט ביז דעם מאמענט פון ליקווידירונג, וואס וועט נאך געדויערען א שטיק צייט. דעריבער איז דער דעפארטאמענט פאר נאציאנאלער זעלבסטפארוואלטונג מודיע, אז די ענטפערס אויף דער אנקעטע וועגען קהלה-טעטיגקייט, ווי אויך די שריפט-פירונגען פון די פארענדיגטע קהלה-וואהלען דארפען, ווי פריהער, צוגעשיקט ווערען דעם אידישען מיניסטעריום.

דאס אידישע לעבען אויף אוקראינא.

א זיצונג פון קיעווער קהלה-ראט.

זונטאג אווענט דעם 21 יולי איז פארגעקומען א זיצונג פונ'ם קיעווער קהלה-ראט.

דער פארזיצער מ. נ. סירקין טרעט ארויס אין נאמען פון פרעזידיום מיט אן'אויסערארדענטליכער מעלדונג פון פאלגענדען אינהאלט:

„אלע אידען פון קיעוו צוזאמען מיט דער גאנצער אידישער באפעלקערונג פון אוקראינע האבען מיט צער און צארן געלייענט די ידיעה, אז מיט איין שטריך פון א פעדער זיינען אפגעמעקט געווארען די רעזולטאטען פון שווערען קאמף, וואס מיר האבען דורכגעמאכט אין משך פון א גאנץ יאר מיט אזוי פיל קרבנות און אנגעשטרענגטער ארבייט.—ס'איז אפגעשאפט געווארען די נאצ.-פערסאנאלע אויטאנאמיע, ס'ווערט בטל דאס אידישע מיניסטעריום, וואס איז געשטאנען אויפ'ן שוץ פון דער אידישער באפעלקערונג. די אידישע ענינים ווערען איבערגעגעבען אין רשות פון אלגעמיינע מיניסטעריום'ס.

די אידישע קהלה אין דער הויפט שטאט פון אוקראינע, אלס דער קערן פון דער אידישער נאצ.-פערסאנאלע אויטאנאמיע, קאן ניט פארבייגעהן גלייכגילטיג דעם אקט פון 8-טען יולי און זי הויבט אויף איר שטימע צו פראטעסטירען געגען דעם אבשאפען פון דער נאצ.-פערסאנאלער אויטאנאמיע.

איינשטימיג ווערט אנגענומען די פראטעסט-רעזאלוציע פון פרעזידיום.

אין נאמען פון פרעזידיום לייענט פאר ה' סירקין א רעזאלוציע וועגען די רדיפות געגען דער אידישער שפראך אויף אוקראינע. די רעזאלוציע לויטעט פאלגענדעס:

„אויסהערענדיג די ידיעה וועגען א רייהע פארבאטען צו באנוצען זיך מיט דער אידישער שפראך אויף עפענטליכע פארזאמלונגען, פראטעסטירט דער קיעווער קהלה-ראט אויפ'ן ענטשידענסטען אופן געגען די פארפאלגונגען אויף דער אידישער שפראך. מיר ערקלערען, אז אין קיין פאל וועלען מיר זיך נישט אפזאגען פון אונזער רעכט אויף דער אידישער שפראך.

די רעזאלוציע ווערט אנגענומען איינשטימיג.

א גרויסען איינדרוק מאכט דער מעמאראנדום, וואס איז אנגעקומען אין פרעזידיום פון דער קהלה. דער אידישער זשורנאליסט ה' שניפאל האט, ערפילנדיג די שליחות פון דער מאסקווער קהלה, באזוכט א רייע שטעט, וואו עס זיינען פארגעקומען פאגראמען און האט געפונען פאר זיין חוב צושטעלען א מיטיילונג וועגען דעם אויך דער קיעווער אידישער קהלה, כדי מ'זאל ארגאניזירען די הילפס-ארבייט פאר די געליטענע.

דער פאָרזיצענדער לייגט פאָר, אז אלע פראַקציעס זאָלען אויף זייערע נאָהענסטע זיצונגען אַ..עָ:ען באשלוסען און אויסארבעטען פלענער ווי צו אָרגאַניזירען אין קיעוו א צענטראלע הילף־ארבעט פאר די אידישע קרבנות,—און דערווייל, ביז אזא צענטראלע אנשטאלט וועט געשאפען ווערען זאָל ביי דער קיעווער אידישער קהלה צייטווייליג געגרינדעט ווערען א טיש וואס זאָל צונויפקלייבען און רעגיסטרירען אלע פאַלען פון גוואלדטאטען און פארפאלגונגען קעגען אידען...

דער דאָזיגער פאָרשלאג האט ניט ארויסגערופען קיין ערווידערונגען און איז אָנגענומען געוואָרען איינשטימיג.

מען טרעט צו צו דער אבשטימונג פון די רעזאָלוציעס וועגען דער שפּראַך־פראַגע. די דעבאַטען זיינען פאָרגעקומען אויף דער פאָריגער זיצונג. מיט אלע שטימען פון די ציוניסטען, פאָלקס־פאַרטיי, ־טרודפאַרטיי און אחדות קעגען די שטימען פון די סאָציאַליסטען זיינען אָנגענומען געוואָרען פאָלגענדע רעזאָלוציעס:

א) אידיש און עברית זיינען די אָפיציעלע שפּראַכען פון דער קהלה און קיין איבערזעצונגען פון רעדעס פון איין שפּראַך אין דער צווייטער ווערען ניט דערלאָזען.

ב) איבערגעזעצט ווערען בלויז פאָרשלאָגן.

ג) צוליב פּראַקטישע טעמים ווערען דערלאָזען רעדעס אויך אין רוסיש און אוקראַיניש.

ד) רעזאָלוציעס און פאָרשלאַגען, וואָס ווערען געמאַכט אין איינער פון די אידישע שפּראַכען, וואָס אָראַטאָר ערקלערט, אַז ער פאַרשטעהט זי ניט דאַרפען לויט זיין פאָדערונג איבערגעזעצט ווערען אין אַ צווייטער שפּראַך.

ה) דער פּרעזעדיום פירט די זיצונגען אין איינער פון די אידישע שפּראַכען.

ו) ווענדונגען צו דער אידישער באַפעלקערונג, צירקולאַרען, אַפישען א. א. וו. ווערען געדרוקט אין ביידע שפּראַכען. אויף אָנפראַגען ענטפערט מען אויף דער שפּראַך פון דער אָנפראַגע.

ז) בריף צו אידישע אנשטאַלטען ווערען געשריבען נאָר אין העברעאיש.

ה) די בוכהאַלטעריע פון דער קהלה ווערט געפירט אין העברעאיש. (אָבגעלעגט)

ניט קוקענדיג אויף אַלע שטערונגען מצד די אידישע „לינקע", וועלכע האָבען בשום אופן ניט געוואָלט צולאָזען, אַז אַ זיצונג פון דער קהלה זאָל דורכגעהן רוהיג, זיינען אַלע פונקטען אָנגענומען געוואָרען מיט אַ גרויסער מערהייט. דאַן האָבען זיי זיך גענומען איסקערען צו זייער אלטען מיטעל: צו סקאַנדאַלען. בשעת אַן אַטמאַן, וועלכער באַהערשט ניט אידישער וואָס ס'איז אגב אלעמען באַקאַנט, האָט אָנגעהויבען רעדען רוסיש, האָבען זיך אָנגעהויבען הערען געשרייען „אידיש" ניט נאָר פון אונטען, נאָר אויך פון אויבען. אַ טייל פון פּובליקום האָט אַזוי לאַנג געליאַרעמט ביז דער פאָרזיצענדער איז געוועזען געצוואונגען צו שליסען די זיצונג.

פאַרבאָטען אידיש.

דאָס מיניסטעריום פאַר אידישע ענינים האָט באַקומען אַ ריי ידיעות פון הייסין, אָוורוטש און אַנדערע שטעט וועגען דעם, אַז די נאַטשאַלניקעס פון מיליציע האָבען זיך אָבגעזאָגט פון צו געבען ערלויבעניש אויף אַ ספּעקטאַקל פאַר אַ וואוילטעטיגען צוועק אין אידיש. מאָטיווירט האָבען עס די נאַטשאַלניקעס דערמיט, וואָס איצט ווערט אידיש ניט ערלויבט.

דאָס אידישע מיניסטעריום האָט זיך טעלעגראַפיש געווענדעט צום פּאָוויטאָווי סטאַראָסטאַ, אָנווייזענדיג אויף דער אונגעזעצליכקייט פון אַזאַ האַנדלונג.

פאַרבאָטען א לעקציע אויף אידיש.

די טעג האָט זיך אין שטאָט־דימע צונויפגעקליבען א היבשער עולם אויסצוהערען אַ לעקציע פון ה' א. חפץ „וועגען דער גאָלדענער קייט פון דער אידישער ליטעראַטור". פאַר'ן אָנהייב פון דער לעקציע איז אין זאַל אַריינגעקומען אַ פאַרשטעהער פון דער מאַכט און געמאָלדען אַז די פאָרלעזונג קען פאָרקומען נאָר אויף איינע פון די צוויי לאַנד־שפּראַכען: אוקראַיניש אָדער רוסיש. דער פאָרזיצער האָט מיטגעטיילט דעם עולם וועגען דעם פלוצימדיגען פאַרבאָט און האָט ערקלערט, אַז ווייל דער לעקטאָר קען אויף אַזאַ אולטימאַטיווען פאָרשלאַג בשום אופן ניט איינגעהן, וועט די לעקציע ניט פאָרקומען.

די ניקאָלאַיעווער דומע.

די היגע צענזוס־דומע האָט זיך אָבגעזאָגט ארויסגעבען געלד אויף אויסצוהאַלטען די אידישע שולען, וואָס זיינען איינגעשלאָסען אין דער אידישער שול־נעץ. צוליב דעם קענען די שולען פאַרלירען אויך די רעגירונגס־סובסידיע, מחמת די רעגירונג שטיצט נאָר די שולען וואָס זענען אַריינגעשלאָסען אין דער שול־נעץ. די אידישע קהלה האָט באַשלאָסען צו ווענדען זיך מיט אַן אָנקלאַגע אויף דער דומע צו דער רעגירונג, אָנווייזענדיג, אַז די אידען בילדען 35 פּראָצ. פון דער באַפעלקערונג.

די קהלה־וואַהלען אין כאַרקאָוו.

פון כאַרקאָוו איז מען אונז מודיע:

די טעג זיינען ביי אונז פאָרגעקומען די וואַהלען אין דער אָרטיגער אידישער קהלה. די פּאָליטישע פאַרטייען האָבען דערביי ארויסגעוויזען צו די דאָזיגע וואַהלען זעהר אַ גרויסען אינטערעס: כאַרקאָוו איז די לעצטע גרויסע שטאָט אין אוקראַינע, וואו די קהלה איז נאָך ניט קאָנסטרואירט געוואָרען. דעריבער איז די צאָל פון די מיטינגען, לעקציעס און וואַהל־פאַרזאַמלונגען געווען זעהר גרויס. דער עולם האָט אָבער ארויסגעוויזען פיל גלייכגילטיגקייט צו די וואַהלען. צו די וואַהל־פאַרזאַמלונגען פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען איז כמעט קיינער ניט געקומען. די לעקציע פון'ם „געוועזענעם אידישען מיניסטער" ה' לאַצקי, וועלכען מ'האָט רעקלאַמירט אין משך פון עטליכע וואָכען, האָט אויך צוגעצויגען אַ קליינעם עולם. נאָר די צוויי גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, וואָס האָט איינגעאָרדנעט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, זיינען דורכגעגאַנגען מיט אַן אונגעהייערען ערפאָלג.

די ביידע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען האָט געעפענט דער פאָרזיצער פון אונזער צייטווייליגען קהלה־ראַט ל. ווילענסקי. מיט רעדעס זיינען ארויסגעטראָטען די ציוניסטישע טוער וו. טיאָמקין און ם. הינדעס, וועלכע מ'האָט זעהר וואַרים אויפגענומען.

די וואַהלען גופא האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט אַן אונגעהייערען אַבסענטעאיזם. צו די אורנעס זיינען געקומען אַן ערך 3500 מאַן פון 24000 וועהלער, וואָס זיינען געווען איינגעטראָגען אין די רשימות. ס'זיינען אויסגעוועהלט געוואָרען: 18 ציוניסטען, 8 בונדיסטען, 7 אחדות'ניקעס, 5 „פאַראייניגטע", 4 פּועלי־ציון, 2 פון „פאָלקס־פאַרטיי" און 1 אידישער קאַדעט, בסך־הכל 45 ראַטמענער. באַזונדערס גרויס איז דער דורכפאַל פון דער „פאָלקס־פאַרטיי", וועלכע איז פריהער געווען זעהר שטאַרק אין כאַרקאָוו.

אָפּ"ע און אָ"רט אין אוקראַינע.

די צענטראַל־קאָמיטעטען פון דער חברה מפיצי השכלה און פון דער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטען מלאכה האָבען באַטראַכט די פראַגע וועגען דער לאַגע פון זייערע אנשטאַלטען אין אוקראַינע וועלכע זיינען להלוטין אָבגעריסען פון'ם צענטער. זייערע קאָמיטעטען האָבען באַשלאָסען צו שיקען זייערען אַ פאָרשטעהער קיין אוקראַינע צו באַקענען זיך און קלאָר פעסטשטעלען די לאַגע פון די בילדונגס און האַנדווערקער־אנשטאַלטען אין אוקראַינע.

אידישע היימלאָזע.

אין קיעווער קאָמיטעט פון „קאָפּע" קומען אָן אַ סך אָנפראַגען וועגען רעעוואַקואַציע. דער קאָמיטעט איז מודיע, אַז צום באַדויערען, איז נאָך ביז איצט ניטאָ קיין שטרענג אויסגעאַרבעטער פּלאַן פון רעעוואַקואַציע. אַ ריכטיגע פּלאַנמעסיגע רעעוואַקואַציע שטויסט זיך אָן אויף שווערע מניעת מצד דער מאַכט פון די ערטער, וואוהין די היימלאָזע ווילען זיך אומקערען. ס'איז פאַראַן פאַרשידענע באַגרענצונגען, טעריטאָריאַלע און נאַציאָנאַלע. די לעצטע באַגרענצונגען זיינען איבערהויפּט געווענדעט קעגען אידען־היימלאָזע. די פּוילישע רעגירונג האָט פאַרבאָטען צוריק אומקערען זיך אין פּוילען די אידישע היימלאָזע (ערקלערונג פון קאָוונער צוריקוואַנדערער קאָמיסיע № 1028—18). די דייטשע מאַכט האָט פאַרבאָטען די אידישע היימלאָזע דעם אַריינפאָר אין ליטאַ (צירקולאַר „אָבער־אָסט" פון דעם 2־טען יוני). ס'איז פאַרבאָטען היימלאָזע אומקערען זיך אין דעם באַלטישען געגענד.

די אַלע באַגרענצונגען מאַכען אומעגליך דאָס רעעוואַקואירען פון די אידישע היימלאָזע.

ציוניסטישע באַוועגונג.

דער צוזאַמענפאָר.

אויף דער לעצטער זיצונג פון'ם צענטראַל־ביוראָ מיט פאָרשטעהער פון פּראָווינץ איז באַשלאָסען געוואָרען צונויפצורופען דעם אַלאוקראַיִנישען צוזאַמענפאָר אין אָנהייב אָקטיאַבער. די אגודות מוזען תיכף אָננעמען אַלע מיטלען, כדי צוגרייטען זיך צו די וואַהלען, אָרגאַניזירען די אגודות און פאַרטיילען די שקלים.

אונזער פּרעסע.

ניט קוקענדיג אויף די שוועריגקייטען, וואַקסט די צאָל פון די ציוניסטישע אָרגאַנען פון טאָג צו טאָג אויף דעם שטח פון דער געוועזענער רוסישער אימפּעריע ערשיינען. איצט ביז פופציג ציוניסטישע צייטונגען און זשורנאַלען: „אונזער טאָג־בלאַט" און „ראַזסוועט" אין פעטראָגראַד, „העם" און „יעווריעיסקאַיאַ סלאַוואָ" אין מאָסקווע, „אויף דער וואַך", „ערד און אַרבייט" און „סיאָן אי וואָליאַ" אין קיעוו, „יעווריעיסקאַיאַ מיסל" אין אָדעס (אין ניבען ערשיינט אויך דער „הנגב"), „דער ייד"—אין מינסק, „הצפירה" און „דאָס אידישע פאָלק" — אין וואַרשוי, „אונזער עתיד"— אין ווילנאַ, „סיאָניסטסקאַיאַ מיסל" אין טאָמסק, „קאַווקאַזסקי יעווריעיסקי וועסטניק" אין באַקו און אַזוי ווייטער.

צו אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס

פון קיעווער געגענד (וואָלינער, פּאָדאָלער, קיעווער און טשערניגאָווער גוב.).

דאָס קיעווער געגענדס-ביוראָ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ווענדעט זיך צו אַלע אָרגאַניזאַציעס מיט דער בקשה:

1) תיכּף מודיע זיין די צאָל שקלים, וועלכע פאָדערן זיך פאַר דער אָרגאַניזאַציע;

2) בכדי מיר זאָלען קענען פּלאַנמעסיג דורכפירען דעם פּראָגרעסיווען פּאַרטיי-שטייער מעלדען אונז וועגען דער צאָל פון די שקלים פון פאַראַנגענעם און היינטיגען יאָר. (דער צוואַנציגסטער און 21-טער קאָנגרעס יאָרן)

דאָס געגענדס-ביוראָ האָט געביטען זיין וואוינונג און זיין אַדרעס איז:

ПрорѢзная 18/5-а, Областное Бюро Сіонистской Организаціи.

דער ציוניסטישער ראַיאָן-צוזאַמענפאָר אין אומאַן.

פונ'ם 9-טען ביז'ן 11-טען יולי איז אין אומאַן פאָרגעקומען אַ ציוניסטישע ראַיאָן-קאָנפערענץ פון די נאָהענטסטע אויעזדען. די אומרוהען אין דער געגענד פון אומאַן האָבען געשטערט אַ סך דעלעגאַטען צו קומען אויף דער קאָנפערענץ. דאָך האָבען אין איר אַנטייל גענומען אַן ערך 50 דעלעגאַטען.

אין דער קאָנפערענץ האָבען זיך אויך באַטייליגט דער מיטגליד פונ'ם אוקראַאינישען ציוניסטישען צענטראַל-ביוראָ מ. הינדעס, דער פאָרשטעהער פון די צעירי-ציון פּאָסטאַן און דער פאָרשטעהער פונ'ם צ. ק. פון דער חברה „תרבות" לעווינצקי; די געסט זיינען אויפגענומען געוואָרען דורך דער קאָנפערענץ זעהר וואַרים.

אויף דער קאָנפערענץ זיינען געלייענט געוואָרען די פאָלגענדע הרצאות: ג. באָנפעלד—די פּאָליטישע לאַגע, א. פּאָסטאַן—דער נאַציאָנאַל-ראַט און דער פאָרפאַרלאַמענט, מ. הינדעס—די ארץ-ישראל-אַרבייט, לעווינצקי און אָקון—אונזער קולטור-אַרבייט, ספּיוואַק—אָרגאַניזאַציאָנס-פראַגען.

ס'זיינען אָנגענומען געוואָרען וויכטיגע באַשלוסען—באַזונדערס בנוגע צו די אָרגאַניזאַציאָנס-פראַגען. ס'איז באַשלאָסען געוואָרען ענערגיש צוצוטרעטען צו דער דורכפירונג פונ'ם פּאַרטיי-שטייער און צו דער אָרגאַניזירונג פון דער ארץ-ישראל וואָך.

פון אַקאַדעמישען לעבען.

ביי דער ציוניסטישער אַקאַדעמישער פאַראייניגונג „ירדניה" אין וואַרשוי איז געגרינדעט געוואָרען אַ אינפאָרמאַציאָנס-ביוראָ צו געבען ידיעות וועגען אריינטרעטען אין די וואַרשאַווער הויך-שולען. די חברים פון רוסלאַנד, אוקראַינע, ליטאַ, קורלאַנד און ווייס-רוסלאַנד, ווי אויך אַביטוריענטען קאָנען זיך ווענדען שריפטליך מיט אַ בייגעלעגטער פּאָסט-מאַרקע.

אינגיכען ערשיינט אין פאַרלאַג פון דער ציוניסטיש-אַקאַדעמישער יוגענד „ירדניה" דאָס ערשטע זאַמעל-בוך אין פּוילישער שפּראַך „ההבר".

דאָס ציוניסטישע שול-קוראַטאָריום האָט ביי זעגזשע געגרינדעט אַ זומער-קאָלאָניע פאַר 150 שול-קינדער פון די ציוניסטישע פאָלקס-שולען. די קאָלאָניע געפינט זיך אין דער ווילע, וואו סהאָט זיך פריהער געפונען די רוסישע קאַזענע שולע.

אַ ציוניסטישער באַראַטונג אין מאָסקווע.

דעם 27-טען און 28-טען יוני איז אין מאָסקווע פאָרגעקומען אַ פּלענאַרע זיצונג פונ'ם מאָסקווער ראַיאָן-קאָמיטעט און אַ קאָנפערענץ פון די ציוניסטישע דעלעגאַטען, וואָס זיינען אויסגעוועהלט געוואָרען צום קהלות-צוזאַמענפאָר.

צום אַנדענקען פון ב. יאַקאָבסאָן.

דער מאָסקווער שטאָט-קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט אויף זיין זיצונג פון 4 יוני באַטראַכט די פראַגע וועגען פאַראייביגען דעם אָנדענקען פון דעם פאַרשטאָרבענעם בנימין זאב בן ראובן יאַקאָבסאָן און באַשלאָסען צו גרינדען ביי דער חברה „רמשפט העברי" אַ פאָנד פון 30 טויזענד רובל. די פּראָצענטען פון דעם דאָזיגען פאָנד וועלען אָבגעגעבען ווערען דעם מחבר פון דעם בעסטען ווערק אויף העברעאיש וועגען דער אידישער יוריספּרודענץ.

טשלענאָוו'ס ביוסט.

דער מאָסקווער שטאָט-קאָמיטעט האָט באַשלאָסען אָבצוקויפען ביים סקולפּטאָר זלמן סטראַוש דאָס בילד פון ד"ר יחיאל טשלענאָוו. וואָס ער האָט געפאָרעמט לויט דעם זכרון. דאָך איז אים דאָס בילד גאַנץ געלונגען. עס גיט גרויסאַרטיג איבער ד"ר טשלענאָוו'ס פאַרקלערטען און טיפען קוק.

דער קאָמיטעט האָט בדעה אָבצוגיסען דאָס בילד אין בראָנזע און אוועקשטעלען דעם ביוסט אין דער קינפטיגער אידישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אָדער אינ'ם נאַציאָנאַלען מוזעאום אין ירושלים.

די פּאַלעסטינער וואָך.

די פּאַלעסטינע-קאָמיסיע האָט אָרגאַניזירט פאָלגענדע אָבטיילונגען: פאַר רעדאַקציע, אַגיטאַציע, פינאַנסען, עקספּעדיציע פאַר קונסט און פאַרלאַגס-ענינים.

עס זיינען פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרען איינלאַדונגען צו 120 אינסטרוקטאָרען.

אויסער דעם איז פאָרגעלעגט געוואָרען די קיעווער און יעקאַטערינאָסלאַווער ראַיאָן-קאָמיטעטען איינאָרדנען ספּעציעלע קורסען פאַר אינסטרוקטאָרען פאַר דער ארץ-ישראל-וואָך.

אַלע ראַיאָן און אונטער-ראַיאָן קאָמיטעטען, ווי אויך די שטאָט קאָמיטעטען אין די גרעסערע פונקטען איז פאָרגעלעגט געוואָרען אַנצומערקען חברים, וואָס זאָלען קענען באַזוכען די נאָהענטע פונקטען.

אַ גרויסע טעטיגקייט אַנטוויקעלט די פאַרלאַגס-אָבטיילונג: עס דרוקט זיך און וועט די טעג אַרויס פון דרוק די בראָשור פון חבר שעכטמאַן „אונטער'ן צייכען פון ארץ-ישראל". עס גרייט זיך צום דרוקען אַ ספּעציעלער זאַמעלבוך אין העברעאיש געווידמעט ארץ-ישראל. צו נעהמען אַנטייל אין דעם דאָזיגען זאַמעל-בוך זיינען איינגעלאַדען געוואָרען: מ. אוסישקין, ביאַליק, ד"ר גליקסאָן, אַגראָנאָם זוסמאַן, הלל זלאַטאָפּאָלסקי. נ. סירקין, י. פיכמאַן און אַנדערע.

די רעדאַקציע פון „אויף דער וואָך" לאָזט אַרויס אַ ספּעציעלען נומער צו דער ארץ-ישראל-וואָך. אויך דער זשורנאַל „ערד און אַרבייט" לאָזט אַרויס אַ ספּעציעלען פּאַלעסטינע-נומער.

די עקספּעדיציע ביים צ. ב. שיקט פונאַנדער אין אַלע פונקטען ביכער, בראָשורען, צווישען זיי אַ סך וואָס זיינען ערשט ערשינען און אָנגעקומען פון פּעטראָגראַד און מאָסקווע.

דער איצטיגער באַן-שטרייק אין אוקראַאינע שטערט זעהר פיל דער אַרבייט אויף דעם דאָזיגען געביט.

דורך דעם צייטווייליגען מרכז איז קאָמאַנדירט געוואָרען אַ ספּעציעלער חבר אין גרויס-רוסלאַנד כדי צו באַקומען דאָרטען אַ גרויסע צאָל ליטעראַטור און די פּאַלעסטינאַ-נומער'ן פון דעם „טאַגבלאַט", „ראַזסוויעט" און אַנדערע זשורנאַלען, וואָס זיינען ספּעציעל ערשינען צו דער פּאַלעסטינע-וואָך.

די קונסט-אָבטיילונג אָרגאַניזירט אין די גרעסערע פונקטען אַרטיסטישע אַנסאַמבלען פאַר ארץ-ישראל אָוונדען.

עס איז איבערגעגעבען געוואָרען צום דרוק אַ צווייטער צירקוליאַר וועגען דער ארץ-ישראל-וואָך.

אין „החלוץ".

פון האָמעל שרייבט מען: דעם 10 און 11 יוני איז פאָרגעקומען די געגענד-באַראַטונג פון „החלוץ". די באַראַטונג איז אויפגערופען געוואָרען דורך דער א"י קאָמ. ביים געגענד קאָמיטעט פון דער פראַקציע צ"צ. עס זיינען געלייענט געוואָרען אַ ריי פאָרטראַגען וועגען פאַרשידענע פּראָגראַמאַטישע און אָרגאַניזאַציאָנע פראַגען פון „החלוץ", ווי אויך איבער דער געגענוואַרטס און צוקונפטס אַרבייט פון „החלוץ". עס זיינען אַרויסגעטראָגען געוואָרען פאַרשידענע רעזאָלוציעס בנוגע צו די אַלע דערמאָנטע פראַגען.

די א"י קאָמיסיע ביים צייטווייליגען צ. ק. אין מאָסקווע פירט אַ ברייטע טעטיגקייט אין פּרט פון אָרגאַניזירען דעם „החלוץ". אין דער א"י וואָך אין רוסלאַנד איז געווידמעט געוועזען אַ טאָג ספּעציעל. דעם „החלוץ", עס איז אויך אַרויסגעגעבען געוואָרען צוליב דעם אַ ספּעציעלער זשורנאַל מיט אַרטיקלען איבער דעם מהות, אויפגאַבען און צוקונפט פון „החלוץ".

עס עקזיסטירט אין בערלין דער „הפועל הצעיר". אין וועלכען עס געהען אריין אַ גרויסע צאָל חברים. די גרופּע ווייזט אַרויס אַ לעבהאַפטע טעטיגקייט, עס קומען פאָר מעהרערע מאָל אין וואָך סיסטעמאַטישע לעקציעס און לעזונגען איבער פאַרשידענע א"י פראַגען.

אין אַלע גרעסערע שטעדט אין דייטשלאַנד זיינען געגרינדעט געוואָרען די אַזוי גערופענע „געזעלשאַפטליכע גאָרטענס", וואו עס אַרבייט די אידישע יוגענד, וואָס גרייט זיך פאָרען אין א"י.

אין עסטרייך און, ספּעציעל אין גאַליציען, האָט זיך די באַוועגונג פון די יונגעלייט, וואָס וועלען ביי דער ערשטער מעגליכקייט אריבערפאָרען אין א"י, כדי דאָרט דורך אייגענער אַרבייט צו בויען זייער צוקונפט, זעהר פאַרשטאַרקט. אין אַלע גרעסערע שטעדט עקזיסטירען גרופּעס פון „חלוצים", אָדער ווי זיי רופען זיך דאָרט „שומרים". אויף דער לעצטער קאָנפערענץ פון די גאַליצישע ציוניסטען זיינען באַטראַכט געוואָרען די מיטלען, וועלכע זיינען נויטיג כדי צוצוברייטען די דאָזיגע „חלוצים" פאַר א"י.

לויט די לעצטע ידיעות פון ווארשא האט זיך די „החלוץ"-באוועגונג זעהר ענטוויקעלט. כמעט ביי יעדער אגודה עקזיסטירט א גרופע „חלוצים". א גרויסען אנטייל נעמט אין דער באוועגונג די מזרחי'שע פעדעראציע.

די ציוניסטישע וואהל-פּלאטפאָרם צו די קהלה-וואהלען אין פּוילען.

ביי די קהלה-וואהלען אין פוילען האט דער צענטראלער ציוניסטישער וואהל-קאמיטעט ארויסגעשטעלט זיין פּראגראם, אין וועלכער אחוץ די אלגעמיינע פאָדערונגען, ווי די דעמאקראטיזאציע פון דער אידישער קהלה, נאציאנאל-קולטורעלע אויפגאבען, באפרידיגען די רעליגיעזע באדערפעניסען, סאציאל-עקאנאמישע אויפגאבען א. א. וו., ווערען ארויסגעשטעלט די אויפגאבען:

ישוב ארץ-ישראל:

די געמיינדע אונטערשטיצט די אידישע קאָלאניזאציע אין פּאלעסטינע;

דער ביודזשעט:

די קהלה דעקט אירע אויסגאבען:

א) פון די קהלה-שטייערען;

ב) פון לעגאטען (צואות) און נדבות;

ג) פון די געלט-מיטלען, וואס די מלוכה-קאסע אדער די שטאט-קאסע מוז איבערגעבען אין רשות פון דער קהלה פאר די אינסטיטוציעס, וואס די מלוכה אדער די שטאט איז מחויב אויסצוהאלטען אויף איהר חשבון.

ארץ-ישראל.

פון דער פרעסע.

דאס העברעאישע וואכענבלאט „חדשות מהארץ", וועלכע ווערט ארויסגעגעבען פון דער ענגלישער ארמעע אין פאלעסטינא, ברענגט א רייע וויכטיגע ידיעות איבער'ן מצב און לעבען פון דער אידישער באפעלקערונג אין יהודה. דעם קאפענהאגענער ציוניסטישען ביורא איז צוגעשיקט געווארען דער ערשטער נומער פון 16 מאי —ערב שבועות. א לייטענאנט חתמ'ענט זיך אונטער אלס מיליטערישער שעף-רעדאקטאר. פון דעם נומער זעהט מען ארויס, אז דאס אידישע געזעלשאפטליכע לעבען איז דארט אויף ס'ניי אפגעפרישט און עס הערשט א מוטיגע און געהויבענע שטימונג.

דעם 8-טען מאי איז פארגעקומען א שטורמישע זיצונג פון דער ספארט-געזעלשאפט אין ירושלים „מכבי": צוויי ריכטונגען האבען געקעמפט. איין צד וויל, אז דער „מכבי" זאל בלייבען א ריין גימנאסטישע געזעלשאפט, וועלכע זאל זיך ניט באשעפטיגען מיט קיין שום זייטיגע פאליטישע ענינים; דער אנדערער צד וויל דוקא אנטוויקלען א ברייטע געזעלשאפטליכע טעטיגקייט. מנצח געווען האבען די לעצטע.

די אווענט-קורסען פאר מיידלאך אין ירושלים „מריה", וועלכע זיינען פאר דער אקופאציע כמעט אינגאנצען אונטערגעגאנגען, זיינען ווי אלע אנדערע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס אויף ס'ניי אויפגעלעבט. הונדערט דערוואקסענע מיידלעך קומען יעדען אווענט צו די קורסען און מאכען זעהר גוטע פארשריטען אין דער העברעאישער שפראך. אויף ס'ניי האט זיך געעפענט די „הבמה העבריה"; ל"ג בעומר איז געשפילט געווארען מארק ארענשטיינס „דער ווילנער חזן". דאס שטיק איז דורכגעגאנגען מיט א גרויסען ערפאלג; די רעדאקציע באמערקט דערצו, אז, ניט קוקענדיג אויף דעם ערפאלג, איז נאך נויטיג א סך צו טון, כדי צו ברענגען דעם העברעאישען טעאטער אין ירושלים אויף דער נויטיגער הויך.

דער „יער ההונר" איז מודיע, אז ער האט געגרינדעט א סעמינאר פאר רבנים, אונטער דער לייטונג פון רב זרח עפשטיין.

דער קארעספאנדענט פון יפו באשעפטיגט זיך אויספירליך מיט'ן העברעאישען טעאטער אין יפו. לכבוד דער ציוניסטישער פאלעסטינא-קאמיסיע איז דורכגעפירט געווארען דאס היסטארישע שטיק „בלשצר". צום אווענט זיינען געקומען, א חוץ די מיטגלידער פון דער ציוניסטישער קאמיסיע מיט דר. חיים ווייצמאן בראש, א גרויסע צאל ענגלישע גענעראלען און הויכע מיליטער-לייט. א באזונדער שטארקען איינדרוק האבען געמאכט די ארטיסטען: פרל. ווייצמאן און ה' מילטמאן.

אינ'ם אפיציעלען טייל געפינען מיר מיליטערישע מיטטיילונגען בנוגע צום בירגערליכען לעבען. איין מודעה מאכט באקאנט, אז דעם 9 סיון 20-טען מאי, 7 א זייגער אין דער פריה וועט פארקומען אן אויקציאן פון 30 בהמות (אין לודדע). כדי צו באטייליגען זיך אין אויקציאן דארף מען ברענגען א צייגניש פון דער מיליטערישער מאכט, אז דער קונה האט נויטיג די בהמה פאר לאנדווירטשאפטליכע ארבייטען. די מיליטער-פאסט איז מודיע, אז פון היינט אן ווערען אנגענומען פון פאלעסטינא קיין עגיפטען פאסט-פאקעטען ביז 11 ענגלישע פונט. די פאלעסטינא-אינזשענער, וועלכע געפינען זיך אין עגיפטען, קאנען זיך אויך באנוצען מיט דער מיליטער-פאסט. די עגיפטישע אינזשענער קאנען נור באנוצען זיך מיט דער געוועהנליכער פאסט. עס איז שטרענג פארבאטען צו שיקען אין די פאקעטען לעבענס-מיטלען. דער קאמערציעלער דעפארטאמענט פון דער צייטונג איז מודיע, אז ער באזארגט פאר יעדערען פאלעסטינעזישען איינוואוינער אלערליי איינקויפען פון סחורה אין עגיפטען. אויך גיט דער דעפארטאמענט אויסקינפטען וועגען פרייזען פון סחורה און וואו מען קען עס באקומען.

דער ליטעראַרישער טייל פון בלאט באשטעהט פון: דער רעדע פון דר. חיים ווייצמאן און דעם בריף פון גריכישען ארכי-בישוף וועגען ווייצמאנ'ס רעדע; ש. רפאלי'ס ארטיקעל וועגען דער טעטיגקייט און לעבען פון פארשטארבענ'ם אברהם משה לונץ; אחד מעיר שרייבט א שעהנעם פעליעטאן לכבוד שבועות. ז. בן-טובים איבערזעצט אן ארטיקעל פון פראפעסאר סלושץ פון „אמעריקאנער" איבער ווענעציע. צוויי ווייטערע ארטיקלען באשעפטיגען זיך מיט דער היסטאריע פון ארץ ישראל. א גרויסען טייל פארנעמען די מלחמה-טעלעגראמען פון אלע עקען פון דער וועלט. אלס צייטונגס-פארקויפער ווערען אנגעגעבען: אין ירושלים—יחיאל ליפשיץ, פאר יפו, רחובות, פתח-תקוה, דער פארקויף און הויפט-אגענטור ביי דעם בוך-האנדלער קרוגליאקאוו, ראשון-לציון, ה' סעגאל (פאסט-דירעקטאר). באזונדערע אגענטורען זיינען איינגעארדנעט אויך אין סאלאניקי און קאירא.

א בריף פון ארכי-בישוף אין ירושלים.

אין דער פאלעסטינישער „חדשות מהארץ" פון 16 מאי איז אפגעדרוקט פאלגענדער בריף פון דעם גריכישען ארכי-בישוף אין ירושלים פארפיריום צום גובערנאטאר פון ירושלים סטארעס.

—אייער עקסעלענץ!

נאך דעם, ווי איך האב געהאט דעם גרויסען כבוד זיך צו באטייליגען אין דעם היסטארישען באנקעט פון פאריגען שבת, און נאך דעם, ווי איך האב געהערט די רעדע פון דעם פארשטעהער פון די ציוניסטען, וויל איך ארויסזאגען אייך און דורך אייך ה' דר. חיים ווייצמאן מיינע פערזענליכע אנשויאונגען מיט וועלכע ס'זיינען אויך מסכים די גריכישע ברידער פון הייליגען קבר.

אייער עקסעלענץ ווייסט, אז די גריכישע רעגירונג פילט א גרויסע סימפאטיע צום אידישען פאלק. ערשט דא ניט לאנג האט ה' ווענזעלאס שטארק געלויבט די אידישע סאלדאטען אין דער גריכישער ארמעע. די גריכישע אידען זיינען די בעסטע בירגער און די בעסטע סאלדאטען געגען דעם פיינד פון פאטערלאנד. אויך מיר רעכענען זיי צו דער גריכישער משפחה און אונטערשטיצען דערפאר די באשטרעבונגען פון אידישען פאלק בנוגע זייער באזעצען זיך אין ארץ ישראל. מיר רעכענען, אז ס'איז נישטא קיין מער בארעכטיגטע זאך: זייענדיג די טרעגער פון דער מאדערנער ציוויליזאציע, וועלען זיי זיך נישט נאר באנוצען מיט אלע מעלות פון דעם לאנד, וועלכע איז פארוויסטעט געווארען דורך דער שלעכטער פירונג פון דער טערקישער רעגירונג, נאר אויך וועלען זיי ארויסרופען דעם גייסט פון פראגרעס און ארבייטס-פעהיגקייט ביי דער ארומיגער באפעלקערונג. אזוי ארום, וועלען מיר נאך א געוויסער צייט אויף ס'ניי האבען א לאנד, וועלכעס פליסט מיט מילך און האניג, לויט דעם ביבלישען אויסדרוק, וועלכער באצייכענט די פרוכטבארקייט און די געבענשקייט פון לאנד.

איך אלזא, אלס גרעק, אלס קריסט, און אלס דער ארכי-בישוף פון בארג סיני, דעם בארג פון די עשרת הדברות, אונטערשטיין מיט מיין גאנצען הארצען די באשטרעבונגען פון די אידען, וועלכע האבען דאס רעכט זיך צו באזעצען אין לאנד פון זייערע אבות און איך בעט גאט, אז דאס לאנד זאל אויף ס'ניי ווערען זייער פאטערלאנד, א דאנק דער גרויסהארציגער איניציאטיווע און פראטעקציע פון דער גרויסער און פרייער בריטאניען.

מיר, קריסטען, זיינען א סך שולדיג דעם אידענטום, וואס זייער ביבעל איז אונזער ביבעל. לאמיר פארגעסען די געגענזייטיגע מיספארשטענדנישען, וועלכע האבען זייער ווארצעל אין די שלעכטע געפילען פון דער מענשליכער נאטור.

אין דער דאזיגער הייליגער שטאט פון קריסטענטום, איסלאם און אידענטום מוזען מיר זיך דערלאנגען די הענט און לעבען אין א פולשטענדיגער הארמאניע. דאס איז אונזער חוב פאר גאט, צו וועמען מיר דינען אלע, מיר זיינען אלע ברידער אין דעם גייסט פון דער מצוה, וועלכע זאגט: „ואהבת לרעך כמוך", און דער איינציגער איז דער-וועלכער טוט חסד".

נעמט אן, אייער עקסעלענץ, די פארזיכערונג פון מיינע געפיהלען.

ציוניסטישע קאָנפערענץ.

ס'איז פארגעקומען א קאנפערענץ פון די ציוניסטען מיט פארשטעהער פון אלע פארטייען און ריכטונגען, פון חסידים און מתנגדים, אשכנזים, ספרדים און תימנים. צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון ירושלים איז דער ציוניזם געשטאנען אין א דיסקוסיע און א גינסטיגען זין אויף די זיצונגען פון ירושלמ'ער ארטאדאקסיע.

עס איז באשלאָסען געוואָרען איינצופירען גרינדליכע עקאָנאָמישע און ווירטשאַפטליכע רעפאָרמען אין די עפענטליכע אידישע אנשטאלטען אין ירושלים, כדי צו צופאַסען זיך מער צו די דעמאָקראַטישע פאָדערונגען פונ'ם מאָדערנעם אידענטום. עס איז אויך באשלאָסען געוואָרען, אז די למודים אין ישיבות און תלמוד־תורות זאָלען אין איינקלאַנג מיט דער רעליגיעזער אידישער טראדיציע גלייכצייטיג באדייטענד פאַרבעסערט און רעפאָרמירט ווערען.

די קאָנפערענץ און אירע באשליסען האבען ארויסגערופען א געהויבענע שטימונג צווישען די אידען ירושלים, וועלכע ערווארטען מיט זיכערקייט, אז די ירושלים'ער קהלה וועט אין גיכען אננעמען דעם כאַראַקטער פון א מאָדערן־אידישער געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציע.

דאָס גערעטעניש אין ארץ ישראל.

די הייעהריגע תבואה־אויסזיכטען אין דרום פאַלעסטינא זיינען זעהר דערפרייענדע. א דאנק דער גרייסאַרטיגער אונטערשטיצונג פון דער ענגלישער מאַכט, וועלכע האָט ארויסגעוויזען די אידישע קאָלאָניעס די גרעסטע אונטערשטיצונג הן אין צושטעלען וואַסער, הן אין פלאַנצונגען, ערווארטעט מען מיט זיכערקייט, אז די קאָלאָניעס אין דרום־פאַלעסטינא וועלען זיך קאָנען ניט נאָר ערנעהרען, נאָר אויך פאַרקויפען א גרויסען טייל פון זייער תבואה פאַר דער ענגלישער ארמעע.

זייט דעם ווי עס האָט זיך אנגעהויבען א דירעקטע פאַרבינדונג צווישען ירושלים און קאירא, האָט דאָס לעבען אנגעהויבען זעהר שטאַרק אנטוויקלען זיך. אין גיכען וועלען פאַרטיג ווערען די אייזענבאַהן־ליניעס, וועלכע וועלען פאַרבינדען ירושלים און יפו מיט אַלע גרעסערע און קלענערע קאָלאָניעס.

:: טעכנישע קאָמיסיע אין ירושלים.

ס'איז אנגעקומען א טעכנישע קאָמיסיע פון עגיפטען, וועלכע דאַרף דורכפירען די איינריכטונגען פון וואַסער־לייטונג און א מאָדערנע קאַנאַליזאַציע אין ירושלים. עס ווערען אנגענומען שריט די דאָזיגע איינריכטונגען ווי אמשנעלסטען דורכצופירען. די ידיעות וועגען די דאָזיגע רעפאָרמען האָבען ארויסגערופען א גרויסע פרייד צווישען דער אידישער באַפעלקערונג אין ירושלים, וועלכע ערווארט דערפון א גרינדליכע בעסערונג אין היגיעניש־סאַניטאַרען הינזיכט.

א פאָלקס־מיטינג אין יפו.

אין יפו איז פאָרגעקומען א גרויסער פאָלקס־מיטינג, וועלכען ס'האָט איינגעאָרדנעט דער ועד העיר און אויף וועלכען ס'זיינען באהאנדעלט געוואָרען וויכטיגע טאָג־פראַגען. דער מיטינג איז געעפענט געוואָרען פונ'ם חכם־באשי, וועלכער האָט דערמאָנט אין זיין עפענונגס־רעדע די פאַרצווייפעלטע שטימונג פון די יפו'ער אידען בשעת'ן גירוש. דער צווייטער רעדנער איז געווען מרדכי בן הלל הכהן. ער האָט אין זיין רעדע באלויכטען די ענדערונגען, וואָס די פּאָליטישע באפרייאונג פון א"י האָט מיט זיך געבראַכט און האָט זיך הויפטזעכליך אָבגעשטעלט אויף דער געפאַהר פון דער פאַרפלייצונג פון פרעמדע שפראַכען און פרעמדע מנהגים אין לאַנד. דער רעדנער געפינט, אז מיר מוזען אַצינד מאַכען די גרעסטע אנשטרענגונגען, כדי צו פאַרשפּרייטען אונזער שפראַך און אונזער קולטור.

העברעאיזירונג פון יפו.

לויט א ידיעה פון קאַירא איז אויף א גרויסער פאַרזאַמלונג פון די אויפס'ניי באַזעצטע אידען אין יפו באַשלאָסען געוואָרען צו פּראָקלאַמירען העברעאיש אלס אָפיציעלע אומגאַנגס־שפּראַך און אַנטקעגענצושטעלען זיך מיט אַלע כחות געגען דעם קאָסמאָפּאָליטישען כאַראַקטער, וואָס יפו האָט אָנגענומען אין די לעצטע יאָרען פאַר און בשעת דער מלחמה.

די יפו'ער גימנאַזיסטען אין אַמעריקא.

א גרויסע צאָל פון די סטודענטען, וועלכע האָבען פאַרלאָזט ארץ־ישראל בעת דער מלחמה זיינען אריינגעטראָטען אין דער אוניווערזיטעט אין קאַליפאָרניען, כדי דאָרט צו שטודירען לאַנדווירטשאַפט ביז זיי וועלען זיך אומקערען צוריק קיין ארץ־ישראל — די סבה, וואָס זיי האָבען פאַר זייער שטודיום אויסגעזוכט גראָד קאַליפאָרניען, איז די עהנליכקייט פון די קלימאַטישע פאַרהעלטניסען צווישען קאַליפאָרניען און פאַלעסטינא. אין דער אוניווערזיטעט געפינען זיך איצט מינימום 50 יונגע פאַלאסטינער, ס'רוב געוועזענע שילער פון העברעאישען גימנאַזיום אין יפו.

א דאַנק די סטודענטען האָט זיך דער אינטערעס פון די קאַליפאָרנער אידען צום ציוניזם זעהר פאַרשטאַרקט. אויף א פּראָפּאַגאַנדע־רייזע, וועלכע דער לייטער פון ציוניסטישען ביוראָ האָט געמאַכט צוזאַמען מיט'ן ד"ר מאַסינזאָן, האָט ער צונויפגעקליבען כמעט 100000 דאָלאַר פאַר'ן פאָנד צוריק אויפצובויען פאַלעסטינא.

* * *

אין דער אידישער וועלט.

רוסלאַנד.

ר אידישער קאָמיסאַריאַט און פעטראָגראַדער קהלה.

דער אידישער באָלשעוויסטישער קאָמיסאַריאַט האָט **פאָדערט פון דער** פעטראָגראַדער קהלה, אַז מען זאָל אים **ייך צושטעלען א** גענויעם באַריכט וועגען די פינאַנסען **ן אויך וועגען** דער טעטיגקייט פון דער קהלה. די פראַגע **יז באַהאַנדעלט** געוואָרען אויף א זיצונג פון קהלה־ראַט און **אָס רוב ראַטמענער** האָבען זיך אַרויסגעזאָגט, אַז מען דאַרף **ין דעם דאָזיגען פרט** זיין זעהר פאָרזיכטיג. דער ראַטמאַן **סלאַווסקי האָט** דערביי באַמערקט, **אז ביז דער** לעצטער **ייט האָט זיך דער** קאָמיסאַריאַט אזוי גוט ווי ניט אינטערע- **ירט** מיט דער קהלה און איצט מיט אַמאָל האָט ער זיך **אויך גענומען מישען** אין קהלה־ענינים. צי זאָל עס באַדייטען, **ז ער וויל אויך פאַרניכטען** די פרייע אויטאָנאָמע אידישע **קהלה?**

נאָך א לענגערער דעבאַטע האָט דער ראַט באַשלאָסען **דערווייל** קיין ענטפער ניט געבען — ביז די פראַגע וועט **נאָך אַמאָל** באַטראַכט ווערען אויף דער נאָהנטער קהלה־**זיצונג.**

א פאַרטיידיגונגס־קאָמיטעט.

ביי **דעם** ה' ה. סליאָזבערג זיינען די לעצטע צייט אין **פעטראָגראַד פאָרגעקומען** עטליכע זיצונגען פון פאַרטייען פאַרשטעהער, וועלכע האָבען באַהאַנדעלט די פראַגע וועגען שאַפען אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל שטעהן אויף דער וואַך כדי **צו באַשיצען** די אינטערעסען פון דער אידישער באַפעלקערונג, בעת דער ליקווידאַציע פון דער מלחמה און ביים **פאַרווירקליכען** דעם ברעסטער שלום־אָבמאַך. אין די דאָזיגע **זיצונגען** האָבען ז י ך באַטייליגט פאַרשטעהער פון „אחדות", **„פאָלקס־פאַרטיי",** פאַראייניגטער סאָציאַליסטישער אידישער **פאַרטיי, פועלי־ציון און פון דער פאָלקס־גרופּע.**

עס איז אייגשטימיג באַשלאָסען געוואָרען:

כדי וואָס בעסער און אַלזייטיגער צו פאַרטיידיגען די **אידישע אינטערעסען** וואָס זיינען פאַרבונדען מיט דער מלחמה **ליקווידאַציע און** מיט דער רעאַליזירונג פונ'ם ברעסטער אָבמאַך, **איז** נויטיג צו שאַפען א זעלבסטשטענדיגען, אומאָבהענגיגען **אָרגאַן און אַלע** לעבעדיגע כחות פונ'ם רוסישען אידענטום **דאַרפען אין אים** אַנטייל נעמען.

די הויפּט אויפגאַבע פון דעם דאָזיגען קאָמיטעט איז **גרינדליך באַקאַנט** צו ווערען מיט ברעסטער שלום־אָבמאַך, **בנוגע די אינטערעסען** פון די רוסישע אידען און געבען אין **דעם פרט** יורידישע הילף דער אידישער באַפעלקערונג וואָס **נויטיגט** זיך דערין.

אין נאַציאָנאַל־ראַט.

דער צייטווייליגער אידישער נאַציאָנאַל־ראַט אין **פעטראָגראַד** האָט פאַרעפענטליכט פאָלגענדען אויפרוף:

„דער אַלרוסלענדישער אידישער צוזאַמענפאָר, ווי מיר האָבען זיך אים פאָרגעשטעלט, האָט געדאַרפט ווערען א **צענטראַלער, אָדער** נאַציאָנאַלער אָרגאַן, וואָס זאָל אָנפירען **מיט אַלע אידישע** אָנגעלעגענהייטען אינווייניג און שיצען די **אידישע אינטערעסען** געגען אויסען.

יאָרען־לאַנג האָבען מיר געלעבט מיט דער האָפנונג אויף **אַן אַלרוסלענדישען אידישען צוזאַמענפאָר.** צוליב סבות, וואָס זיינען קלאָר פאַר אַלעמען, זיינען מיר געצוואונגען נאָך ווייטער צו וואַרטען אויף דעם גינסטיגען מאָמענט, ווען **אַזאַ צוזאַמענפאָר** וועט מעגליך זיין. דאָס לעבען וואַרט אָבער **ניט. דאָס** אַלגעמיין־רוסלענדישע לעבען שטעלט אַלץ מער און מער **פּאָליטישע** און **סאָציאַלע** פראַגען, וועלכע מיר מוזען לעזען. ס'האַלטען ביים געלעזט ווערען אַלוועלטליכע היסטאָרישע **פּראָבלעמען** — אין וועלכע מיר זיינען בלוטיג פאַראינטערעסירט, און וואו דאָס אידישע פאָלק מוז אויך זיין שטים לאָזען הערען.

דעריבער האָבען מיר עס געהאַלטען פאַר א היסטאָרישער נויטווענדיגקייט, **אַז** איצט שוין זאָל געשאַפען ווערען **אַזאַ** צייטווייליגער אָרגאַן, וועלכער זאָל פאַרטרעטען דאָס רוסלענדישע אידענטום און רעדען אין זיין נאָמען ווען און וואו דאָס וועט נויטיג זיין.

דערום האָבען מיר דאָ, אין פעטראָגראַד, געשאַפען **א צייטווייליגען אידישען נאַציאָנאַל־ראַט.** אין דעם ראַט באַטייליגען זיך **פאָלגענדע** פאַרטייען: ציוניסטישע, „אחדות" „אידישע פאָלקס־פאַרטיי" און די „פאָלקס־גרופּע" — אויפ'ן יסוד פון די רעזאָלוציעס פון די וואַלען צום אַלרוסלענדישען **אידישען צוזאַמענפאָר,** און לויט'ן הסכם פון די פאַרטייען.

דער צייטווייליגער נאַציאָנאַל־ראַט, האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבען און די פאַראַנטוואָרטליכקייט, וואָס האָבען געדאַרפט אויספאַלען אויף יענעם נאַציאָנאַלען אָרגאַן, וועלכען דער **אידישער** צוזאַמענפאָר האָט געדאַרפט וועהלען. און דער **נאַציאָנאַל־ראַט** האַלט עס פאַר זיין אויפגאַבע, ביי דער **ערשטער** מעגליכקייט העלפען צונויפרופען דעם אַלרוסלענדישען אידישען צוזאַמענפאָר.

וועגען הימלאָיע.

די דייטשען האָבען פאַרמאַכט אַלע גרענעץ־פּונקטען. אָרשע איז פול מיט הימלאָיע, אין וויטעבסק פעהלט שוין עסענוואַרג פאַר די מאַסען הימלאָיע, וואָס געפינען זיך דאָ. אין כעביעשו האָט זיך צונויפגעזאַמעלט א מאַסע פון 700 הימלאָיע **אין** נאָוואָ־סאָקאָלניקי — 1000 אין **דנאָ** קומען אָן 5000 הימלאָיע, וואָס פאָהרען צוריק פון פּסקאָוו און וויטעבסק צוליב'ן הונגער.

דער קאָמיסאַר פון טראָקין מעלדעט, אַז דורך טאָראָשין וועלען דורכגעלאָזען ווערען בלויז די הימלאָיע פון דער באַלטישער געגענד, דאָס זעלבע אויך דורך יאַמבורג. אַלע אַנדערע וועלען דורכגעלאָזען ווערען דורך אָרשע.

קהלה־וואַהלען אין טווער.

אין טווער זיינען פאָרגעקומען די קהלה־וואַהלען און **עס זיינען** אויסגעקליבען געוואָרען 20 ראַטמענער: ציוניסטען **מיט אחדות** — 12, פאַראייניגטע מיט בונד — 8.

„אונזער וועג".

אין מאָסקווע האָט אָנגעהויבען ערשיינען א סאָציאַליסטישע וואָכענבלאַט „אונזער וועג".

דער אידישער קאָמיסאַריאַט.

דער אידישער קאָמיסאַריאַט אין מאָסקווע באַשטעהט **בלויז** פון באָלשעוויקעס און א טייל פּ"צ. פון די אידישע

פארטייען, קהלות און געזעלשאפטליכע אנשטאלטען האט קיינער נים קיין באציהונגען מיט'ן אידישען קאמיסאריאט. די יעקאפא האט זיך אפילו אבגעזאגט צו נעמען געלט בײם אידישען קאמיסאריאט פאר די הײמלאזע.

אידען אינ'ם רוסיש-דייטשען האנדעלס-אבמאך.

ווי עס טיילט מיט דער פעטראגראדער „ראזסוועט“, געפינט זיך אינ'ם נייעם האנדעלס-אבמאך, וואס איז געשלאסען געווארען צווישען דער רוסלענדישער פעדעראטיווער סאציאליסטישער רעפובליק און די צענטראלע מלוכות, פאלגענדע הוספות צו די ארטיקעל ז 1 און 12 פונ'ם שלום-פראטאקאל: „די וויזע פון פאספארטען איז גילטיג אין רוסלאנד אין משך פון 6 חדשים. דער דאזיגער באשלוס איז חל אויך אויף דער פאספארטען-וויזע פון די דייטשע האנדעלס-וואיאזשארען, וואס געהערען צום אידישען גלויבען“... „דער טאג פונ'ם איבערגעהען די גרעניץ וועט אויף ווייטער אנגעצייכענט ווערען דורך דער רוסישער און דייטשער מאכט אויף די צייגענישען... די צייגענישען וועלען אויף ווייטער, ווי איצט, אויסגעגעבען ווערען, ווי קריסטען, אזוי אויך אידען“.

אינטערעסאנט איז, אז אט די פונקטען זיינען ווארט ביי ווארט איבערגעשריבען פון די אנטשפרעכענדע ארטיקלען פונ'ם פריהערדיגען רוסיש-דייטשען האנדעלס-אבמאך פונ'ם יאר 1904.

דער „ראזסוועט“ פרעגט מיט רעכט: „ווער דארף זיי, אט די פונקטען? מילא, די דייטשען, וועלכע זיינען כלל נים מחויב צו וויסען אלץ, וואס איז פארגעקומען אין רוסלאנד, האבען דאס אריינגעשטעלט, אזוי צו זאגען, אויף יעדען פאל. אבער די פארשטעהער פון דער רוסישער רעגירונג — ווי קאנען זיי דערלאזען אזא מין אנצייכענונג צו דער דעמאקראטישסטער רעפובליק אין דער וועלט?“

פאגראם-פראקלאמאציעס.

דער פארזיצער פון מאסקווער אידישען קהלה-ראט האט ערהאלטען פאלגענדען בריף: „אויב עס וועט אראבגענומען ווערען אפילו איינער פון די דעקרעטען, וואס זיינען געשטעלט געווארען אונזערע קיסרים אין הע דען, וועלען אייערע סינאגאגען איינגעריסען ווערען, כדי איר די בראנשטיינס, גאטמאכערס א. א. זאלט באצאלען פאר אייער היצפה“.

עס ווערען פארשפרייט צוויי אנטיסעמיטישע פאגראם-אויפרופען, וועלכע זיינען אונטערגעשריבען דורך די פעטראגראדער אבטיילונגען פון „פאראיין פון רוסישע ארבעטער“ און „פאראיין פון קריסטליכע סאציאליסטען“.

באפרייט דאבקאייסקין.

דער געהילפס-קאמיסאר פאר אידישע ענינים, וועלכער איז ארעסטירט געווארען לויט א חשד אין באציהונגען מיט מאסקווער אחראנקע, איז איצט באפרייט געווארען אונטער דער אחריות פון די מיטגלידער פון ד. ר. קאמיסאריאט-קאלעגיע פאר אידישע ענינים אקסעלראד, ביבבוניער און דימאנשטיין.

גינצבורג'ס יובילעאום.

דעם 24 מאי איז געווארען 33 יאר ווייט דער קינ[illegible] פעלעריש-געזעלשאפטליכער טעטיגקייט פון אקאדעמיק אליהו גינצבורג, וואס איז געפייערט געווארען אין פעטראגראד אנגערו אמאליגע דורך א [illegible] אייגענע.

עסטרייך.

אידישער סוחרים-צוזאמענפאר אין קראקא.

סוף מאי איז אין קראקא פארגעקומען א אידישער סוחרים-צוזאמענפאר, אויף וועלכען עס האבען זיך באטייליגט ביי 100 דעלעגאטען, צווישען זיי 42 פון דער מערב-גאליצישער פראווינץ.

ה' לייסטנער האט געלייענט א רעפעראט וועגען ארגאניזאציע און א אייגענער פרעסע. דער לייט-מאטיוו איז געווען, אז כדי צו זיכערן דעם אידישען סוחרישען קלאס איז נויטיג צו שאפען א שטארקע אידישע סוחרים ארגאניזאציע. ווייל נור מיט געמיינזאמע כוחות וועט מען בכח זיין מיט ערפאלג צו קעמפען מיט די אלע סכנות, וועלכע דראהען דעם אידישען סוחר פון אלע זייטען. איז נויטיג אן אייגענע פרעסע וואס זאל ערשטענס באלערנען דעם נאך אונערפארענעם אידישען סוחר און צווייטענס ארויסטרעטען פאר דער אויסען-וועלט, כדי פערטיידיגען די אידישע אינטערעסען.

ה' שענקער האט רעפערירט וועגען דער שעדליכער ווירקונג פון די פארשידענע צענטראל ארגאניזאציעס אויף דעם סוחרישען קרייז, ווי אויף דעם האנדעל בכלל. ווען נישט אט די צענטראל-ארגאניזאציעס, — באווייזט ער, — וואלט דער יקרות נישט געקומען צו אזא הויכער מדרגה. ער ענדיגט מיט דער פאדערונג, אז דער פרייער האנדעל זאל גלייך צוריק איינגעפירט ווערען.

ה' שטיינער רעפערירט איבער דעם קאנקורענץ-קאמף. ער שטעלט זיך אב אויף זיינע שעדליכע פארמען, וועלכע ווערען געטריבען אין גאליציען און באווייזט, אז די קאנקורענץ דארף געפירט ווערען אנשטענדיג און מיט אנשטענדיגע מיטלען.

עס האבען ווייטער גערעדט ה"ה טרילער, וואלאך, פעט. ה' נוסבוים באמערקט צווישען אנדערען, אז עס איז גענוג די צוויי אידישע צייטונגען, די „מארגען צייטונג“ און דאס „מארגענבלאט“ וועלכע מען דארף נור צו אונטערשטיצען.

דאן רעדען די העררען פראמאוויטש, הירש, יארדע. כמעט אלע פראווינציעלע דעלעגאטען האבען זיך ארויסגעזאגט פאר א אידישער פרעסע.

צום סוף האט ערקלערט ה' לייסטנער, אז די געוועהלטע קאמיסיע וועט אנגעמען ענדגילטיגע באשלוסען וועגען דער פרעסע.

דער פרעזידענט פון דער קראקויער סוחרישער ארגאניזאציע ה' שפירא האט געלייענט א רעפעראט איבער דער מיטטעלאייראפעאישער לאגע אין אידישען האנדעל.

עס איז אויסגעוועהלט געווארען א קאמיסיע פון העכער 40 מיטגלידער, וועלכע דארף באארבייטען אלע רעזאלוציעס און באשליסען.

טשעכישער אנטיסעמיטיזם.

די טשעכישע צייטונגען באקלאגען זיך דארויף, אז היינטיגען טאג וואוינען אין בעהמען אנ'ערך 8 טויזענט אידען פון גאליציען, וועלכע קלערען גארנים פון צוריקפארען א היים. זיי פאדערן, אז די דאזיגע אידישע באפעלקערונג זאל מיט געוואלט ארויסגעשיקט ווערען פון בעהמען, „כדי זיי זאל נים האבען די מעגליכקייט אנשטעקען מיט זייער פארארבענייקייט די טשעכישע מנהגים און לאנד“.

אינטערעסאנט איז, וואס דאס ווערט געשריבען אין טשעכישער פרעסע אין דער זעלבער צייט, ווען אין דער דייטשער שאוויניסטישער פרעסע ווערט געפירט א קאמף געגען די טשעכען אליין...

אנטיסעמיטיזם אין עסטרייך.

אין עסטרייך קומען די לעצטע צייט אפט פאר צופעלן, אין וועלכע דער אנטיסעמיטיזם דריקט זיך אוים בולט און דייטליך.

דעם אידען ש. פיאסטיג פון סאקאל, וועלכער איז געפארען פון צווישא קיין ווין, האט מען אויף א העכסט אונמענשליכען אופן באהאנדעלט אויפ'ן וואקזאל. מ'האט אים צו איין צוג נים דערלאזט און ער האט געמוזט ווארטען אויפ'ן צווייטען צוג ביז שפעט אין דער נאכט. דערביי איז אים ארויסגעקומען צו הערען די נידריגסטע זידעל-ווערטער פון די סאלדאטען, וואס באוואכען דעם וואקזאל.

דער איד האט אפילו געפרובט צו פראטעסטירען געגען דעם און באקלאגען זיך פאר די אייזענבאן באאמטע, אבער קיינער פון זיי האט אים נים געוואלט אויסהערען אפילו.

נאך פיל מאטערניש און פלאגעניש איז פיאסטיג'ען קיים געלונגען צו דערציהען די מינוט, ווען דער צוג קומט אן און ער איז אריין אין וואגאן. אבער דא האבען אים די קריסטליכע פאסאזשירען נים אפגעלאזט און האבען אים דעם גאנצען וועג געמאטערט, ביז ער האט געמוזט אין מיטלין פארלאזען דעם וואגאן. דערביי האט מען אים פאר'ן ארויסגעהן פון וואגאן, בעת דער צוג איז דורכגעגאנגען א לאנגען פינסטערען טונעל, בארויבט און ביי אים צוגענומען זיין באגאזש, וואס ער האט מיט זיך געפירט.

סטאטיסטיק פון אידען אין עסטרייך.

וועגען דער סטאטיסטיק פון אידען אין עסטרייך געפינען מיר אינטערעסאנטען מאטעריאל אינ'ם עסטרייכישען סטאטיסטישען האנדבוך פון יאר 19.5.

אין יאר 1910 האט די צאל פון די אידען אין עסטרייך באטראפען איין מיליאן מיט 313 טויזענט און 635 נפשות, צווישען 28 מיליאן 570 טויזענט און 800 פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג, ד. ה. נישט קיין גאנצע 4,6 פראצענט.

באשעפטיגונג:	ביי אידען. %	ביי דער אלגעמיינער באפעלקערונג. %
מיט לאנדווירטשאפט	8,4=110,781	48,45
אינדוסטר. און מלכה	24,8=325,162	26.47
האנדעל	51,8=680,692	12.39
עפענטליכע דינסט, פרייע און אהן באשעפטיג.	15.0—197,000	12,69

התונות ביי אידען זיינען פארגעקומען אין יאר

	1911	1912	1913
ריין-אידיש	8249	8685	7656
געמישטע	219	270	288

פון די 288 געמישטע חתונות אין יאר 1913 פאלט אויס אויף נידער-עסטרייך 176, בעהמען 58 טריעסט 24, מעהרען 18, שטייערמארק 4, גאליציען 3, שלעזיען 2, טיראל 1, פארארלבערג 1.

אין ווינטער-סעמעסטער פון יאר 1913 איז די צאל פון די אידישע צוהערער אין די עסטרייכישע אוניווערזיטעטען געווען פאלגענדע:

וויען	2786	אדער	27,5%	פון אלע צוהערער
בראין	56	" "	2,5	" " "
אינסברוק	13	" "	0.9	" " "
פראג (ד.)	535	" "	23,3	" " "
" (ב.)	106	" "	2,2	" " "
לעמבערג	1611	" "	28,4	" " "
קראקוי	463	" "	15,3	" " "

צוליב דער מלחמה איז פון טשערנאוויץ נישטא קיין סטאטיסטיק.

אין די מיטעל-שולען האט זיך געפונען פאלגענדע צאל א דען; אין אלע עסטרייכישע גימנאזיעס האבען זיך געפונען אין שול-יאר 1911/12 16 טויזענט מיט 471 אידישע שילער ד. ה. 16,5 פראצענט; אין אלע רעאל-שולען — 4943 אדער 10,5 פראצענט; אין די פרויען-גימנאזיעס — 1888 ד. ה. 3,44 פראצענט אידישע [illegible].

פוילען.

א אידיש-ארטאדאקסישע פראקציע אין מלוכה-ראט.

ווי מען נים איבער, האבען די 2 אידישע מיטגלידער אין מלוכה-ראט די ה"ה יואל וועגמייסטער און משה פעפער, וואס זיינען נאמינירט געווארען אין מלוכה-ראט אלס פארשטעהער פון דער „אגודת האורטאדוקסים“, געגרינדעט א זעלבסטשטענדיגע ארטאדאקסישע פראקציע. ביי דער פראקציע ווערט געגרינדעט א ספעציעלע פאליטישע קאמיסיע אין וועלכער ס'זיינען מצד דער „אגודת הרבנים“ אויף דעם קאלישער רב, לאדזשער רב און זאווערטשער רב, וועלכע דארפען די פראקציע בייהילפיג זיין אין זייערע ארבייטען. ביים באטראכטען אדער באריהרען אידישע רעליגיעזע ענינים אין מלוכה-ראט, דארף זיך די פראקציע פריהער בוראטען מיט די מיטגלידער פון דער פאליטישער קאמיסיע.

א קאנפערענץ פון „אגודת הרבנים“.

אין ווארשא זיינען פארגעקומען עטליכע זיצונגען פון דעם גאנצען „ועד הפועל“ און „ועד ההנהגה“ פון „אגודת הרבנים“, אויף וועלכער עס זיינען באהאנדעלט געווארען איניגע פראגען.

ס איז באהאנדעלט געווארען די פראגע וועגען דעם נייעם מיליטער-אוסטאוו און צוזאמענהאנג מיט דער רבנים-פראגע. עס איז וועגען דעם איבערגעגעבען געווארען דער פארזאמלונג, אז אין דעם נייעם מיליטער-אוסטאוו, וואס ערשיינט, ווערט דייטליך געשריבען, דאס בנוגע מיליטער-דיענסט זיינען אידישע גייסטליכע גלייכבארעכטיגט מיט די נישט-אידישע. נאך פארשידענע דעבאטען וועגען דער פראגע איז באשלאסען געווארען, מען זאל זיך ווענדען מיט א פעטיציע צו דער פיהרענדער מאכט, אז מען זאל אויפ'ן ארט פון דעם אויסדרוק: „אידישע גייסטליכע“ אריינשטעלען דאס ווארט „רבנים“, כדי עס זאל נישט ארויסקומען קיין מיספערשטענדנישען ביים אויספיהרען פראקטיש דעם פונקט.

נאכדעם איז באהאנדעלט געווארען די שול-פראגע. עס ווערט איבערגעלעזען א פראיעקט, אז די „אגודת הרבנים“ זאל איבערנעהמען די פיהרונג פון די רעליגיעזע שולען. קיין רעזאלוציע וועגען דעם איז גאר נישט אנגענומען געווארען.

עס איז אויך באטראכט געווארען די פראגע וועגען באניצען פאפיר אויף תפילין. די רבנים האבען ארויסגעזאגט זייער מיינונג, אז קיין פאפיר אויף תפילין טאר מען נישט באניצען.

אויף איינע פון די זיצונגען איז געקומען דער אנפיהרער פון די אידישע ענינים ביי דער ציוויל-פארוואלטונג, דער האאז, און אויך א באאמטער פון דער מעדיצינישער אבטיילונג ביים ווארשאווער קרייז. נאך א קורצען איבערשמועסען זיך וועגען דער תפילין-פראגע, אין וועלכע עס נעמט אויך אנטייל דער בריסקער רב הרב הגאון ר' חיים סאלאווייטשיק, וועלכער געפינט זיך צופעליג אין דעם זיצונגס-זאל, וועט נאכאמאל ארויסגעזאגט די מיינונג, אז על פי דין טאר מען אין קיין פאפירענע תפילין נישט באנוצען. דאן ווערט די רעזאלוציע וועגען דעם ענין געמאלדען דעם ד"ר האאז אין דעם באאמטען פון דער מעדיצינישער אבטיילונג.

עס איז אויך באטראכט געווארען די פראגע וועגען מאכען פארלייכטערונגען ביים איזאלירען די פאמיליעס פון די אנשטעקענדע קראנקע ווי אויך ביים ארויסגעבען רעגי[illegible] דונגבשייעט.

די רעכט פון אידיש.

אין ווארשא איז אונטערן פארזיץ פון ד"ר גרשון לעווין פארגעקומען די ארגאַניזירנדע פארזאמלונג פון פאראיין פון אידישע ליטעראטען און זשורנאליסטען, אויף וועלכער ס'זיינען אנגענומען געווארען וויכטיגע רעזאָלוציעס פון א פרינציפיעלער באדייטונג, דאַרונטער זיך צו ווענדען מיט א מעמאָריאל צו דער געהעריגער מאכט, אז צווישען די פיל שפראכען אויף וועלכע ס'איז איצט ערלויבט צו קאָרעספאָנדירען מיט'ן רעפובליקאנישען רוסלאנד און ווייס-רוסלאנד, זאל אויך זיין ערלויבט אין פאָסט-פארקעהר צו שרייבען בריף אין די שפראכען פון דער אידישער באפעלקערונג—העברעאיש און אידיש.

דייטשלאנד.

דער יובל פון פראפ. לודוויג גייגער.

דעם 5-טען יוני האט דער פראפעסאר ד"ר לודוויג גייגער, אין בערלין, געפייערט זיין 70 יאָריגען יובל.

פראפעסאר גייגער, דער זון פון בארימטען אידישען געלערטען פרעדיגער און רעפארמאטאָר אברהם גייגער, איז געבוירען געוואָרען אינ'ם יאָר 1848 אין ברעסלוי. פריהער איז ער געווען לערער אין דער בערלינער אידישען סעמינאריע, דאן האט ער באקומען דעם טיטעל דאצענט ביים בערלינער אוניווערזיטעט און זייט 1880 טראגט ער דעם טיטעל פראפעסאָר.

א חוץ א גאנצע ריי ווערק וועגען דער דייטשער קולטור, האט לודוויג גייגער געשריבען פארשיידענע ווערק וועגען אידישע פראגען, וועגען „געשיכטע פון די אידען אין בערלין", און אנדערע.

זייט 1909 רעדאגירט גייגער די „אלגעמיינע צייטונג דעס אידענטומס". אינ'ם געזעלשאפטליכען לעבען טרעט גייגער ארויס אלס אנהענגער פון א ראדיקאלער רעפארם אינ'ם אידענטום און אלס עקסטער אסימילאטאר.

דזשעמס סימאן.

די פראגרעסיווע פאלקספארטיי אין דייטשלאנד שטעלט ארויס אינ'ם ערשטען בערלינער וואהל-קרייז אלס קאנדידאט אויף א דעפוטאט אין רייכסטאג אנשטאט איר פארשטארבענעם מיטגליד ד"ר קעמף (וועלכער איז געווען פרעזידענט פונ'ם רייכסטאג)—דעם ד"ר דזשעמס סימאָן.

געגען די אידישע ארבייטער.

פון בערלין ווערט געמעלדעט, אז לויט א פארארדנונג פון אינערן-מיניסטעריום ווערען מער קיין אידישע ארבייטער פון פוילען ניט אריינגעלאזט ווערען אין דייטשלאנד, וויל צווישען דער אידישער באפעלקערונג אין פוילען איז פארשפרייט פלעקען-טיפוס. די ארבייטער פון פוילישער נאציאנאליטעט וועלען אבער ווייטער אריינגעלאזט ווערען.

צווישען אנדערע פעלקער.

ענגלאנד און די טשעכען:

באלפור האט געשיקט א בריף צום ד"ר בענעש, דעם טוער און סעקרעטאר פון דעם טשעכאָסלאָוואקישען נאציאנאל-ראט אין פאריז. אין דעם בריף שרייבט באלפור, אז די ענגלישע, פראנצויזישע און איטאליענישע רעגירונגען זיינען גרייט אנערקענען דעם טשעכאָסלאָוואקישען ראט אלס פארטרעטער פון דער טשעכא-סלאָוואקישער באוועגונג אין אלע לענדער פון די פארבינדעטע, ווייטער אנערקענען דא ענגלענדער דאס טשעכא-סלאָוואקישע מיליטער אלס אן ארגאניזירטע אייגנהייט, וואס קעמפט פאר די פארבינדעטע. די ענגלישע רעגירונג איז אויך גרייט צו אנערקענען פאר דעם טשעכא-סלאָוואקישען נאציאנאל-ראט פאליטישע רעכט און די ענינים פון די טשעכא-סלאָוואקען.

די טאטערישע מלוכה.

דער טאטערישער נאציאָנאל-ראט איז אריינגעטראטען אין אונטערהאנדלונגען מיט דער טערקישער רעגירונג וועגען שאפען אן אונאבהענגיגען אדזשערביידושאן. אין זיין צוזאמענשטעל וועלען אריינגעהען טיילען פון יעליסאוועטפאלער גובערניע. די שטאט באקו וועט זיין די הויפט-שטאט פון דער נייער טאטערישער מלוכה.

די ראטען-מאכט אויף קאווקאז האט זיך אפגעזאגט אנערקענען די נייע געבילדעטע מלוכה.

דער פארזיצער פונ'ם קאָמיסאריאט פון באקוער ראט שאומיאן האט אפגעגעבען א באפעל, אז דאס ראטען-מיליטער זאל געהען אויף יעליסאוועטפאל. די טאטערישע מיליטער-טיילען זיינען ארויס פון דער זייט פון יעליסאוועטפאל קעגען דעם ראטען-מיליטער.

טערקיי און קאווקאז.

מעלדעט, אז 1) ידיעות וועגען שכירות, וואס זיינען א [illegible] ארבייטער, אנגעשטעלטע אדער באדינער, דארפען אלע אונטערנעמער אין אייגענטימער גען צושטעלען ביז 6 מארס. 2) די סטראכיר-סומען פאר [illegible] דארפען איינגעצאלט ווערען אין קאסע ניט שפעטער פון 11 מארס. [illegible] פאר ניט צושטעלען אין צייט די ידיעות וועט מען באשטראפט ווערען פון 1000 ביז 10,000 רובל און פאר ניט אריינטראגען אין צייט דעם אפצאל וועט מען דארפען באצאלען ביז 10 פראצענט העכער. די ראטען איינריכטונגען, וואס וועלען ניט ערפילען די פארארדנונג וועלען זייערע פאראנטווארטליכע אנפירער דארפען ענטפערען פאר׳ן געריכט.

פאר׳ן פארוואלטער פון אפטיילונג ס. [illegible]
פארוואלטער מיט דער פינאנס אין [illegible] סעקציע ב. איזראעל
סעקרעטאר פון אפטיילונג ש. [illegible]

דער איינקויף-ארגאן פון ראט

פון די פאראייניגטע ארבייטער-קאאפעראטיוון [illegible] געהען אריין אויך פארשטעהער פון ראט פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען, בעט אלע פריוואטע פערזאנען אדער ארגאניזאציעס, וואס האבען [illegible] סחורות, זיי זאלען זיך ווענדען צום [illegible] פרייהייטס-פלאץ נומער 4. (געוועזענע [illegible]) טעגליך פון 12 ביז 3 א זייגער בייטאג.

די קאנטאר פון „איינינקייט״

האט זיך איבערגעקליבען אויף יוריעווסקע נומער 6 (אנ׳ קעגען די באנק ביורא), אריינגאנג פון הויף, אפען פון 10 פריה ביז 5 אווענד. מעלדונגען ווערען אנגענומען פון 10 ביז 8.

חברים, פארשפרייט אייער צייטונג!

חברים! אין יעדער שטעטעל מוזען גלייך געשאפען ווערען „וועקער-קאמיסיעס״, וואס זאלען וואס ברייטער פארשפרייטען די צייטונג און שאפען פאר איר א רעגולערע געלד-שטיצע. מ׳מוז גלייך, זאמלען געלד, איינארדנען „וועקער-אווענדען״, פארשפרייטען די „וועקער-מארקעס״.

חברים, די צייטונג קען נאר דאן עקזיסטירען, ווען יעדער ארבייטער וועט איר קומען צו הילף.

חברים, פארשפרייט אייער צייטונג!

פראלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניגט זיך!

וועקער

צענטראל-ארגאן פון „בונד" אין ראטען-רוסלאנד.

די רעדאקציע און קאנטאר געפינען זיך: זאכאריעווסקע גאס 54, זאקרו-פויסקי'ס הויז, אריינגאנג אין הויף. די קאנטאר איז אפען טעגליך חוץ שבת פון 10 ביז 4 אזייגער

אדרעס פאר קארעספאנדענצן: Минскъ, редакція (конторъ) „Деръ Векеръ"

ערשיינט טעגליך.

№ 506 Минскъ, 20 М[illegible] מארט 2[illegible]

ניי פון דער אידישער ליטעראטור
ס'איז ערשינען א נייע ווערק
וועגען קאאפעראציע און קאאפעראטיוון
וואס איז אזוינס
א קאנסום-געזעלשאפט?
פון י. אייזענשטאט (יודין)
ארויסגעגעבען פון מינסקער ארבייטער-קאאפ.
„אייניגקייט"
פרייז 50 קאפ.

די פארוואלטונג פון ארב. קאאפעראטיוו
„אייניגקייט"
איז אריין אין אן'אבמאך און האט איינ[illegible] געשטעלט א ספעציעלן ביליגן
פרייז מיט'ן צאן-דאקטאר
וואלקאמיטש
פערעזאראוויענסקע 38
פאר די מיטגלידער פון קאא. פראב[illegible] וואס קומען צו איהם היילען די ציינער, פּאמבירען, א. ד. מאכען נייע ציינער

מ ו ד ע ה.
עס ווערט אנגענומען דער אבאנעמענט אויף די פאלגענדע פעריאדישע אויסגאבען פונ'ם אידישען פארלאג ביים פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג אין ליטע און רייסן:
1) חדשי-זשורנאל „די נייע וועלט"
פאר א [illegible] 48 רובל, 6 חדשים—26 ר. 3 חדשים 12 ר.
אין איינצעל-פארקויף 5 ר. א נומער.
2) צווייוואכיגער זשורנאל „פאלקס-בילדונג"
פאר 3 חדשים 6 רובל. אין איינצעלפארקויף 1 ר. א נומער.
3) צווייוואכיגער קינדער-זשורנאל „גרינינקע ביימעלאך"
פאר 3 חדשים [illegible] רובל. אין איינצעלפארקויף 1 רובל 50 קאפ. א נומער.
אדרעס: [illegible] ביים פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג, „אידישער פארלאג".

ארבייטער-קאאפעראטיוו „אייניגקייט"
[illegible] אין די קראמען, וווּ [illegible] קויפט ווערען [illegible] דער פאלגענדער טאבעלע.
זונטאג די ביכלאך פון נומ. 1 ביז נומ. 800
מאנטאג „ „ „ 801 „ „ 1600
דינסטאג „ „ „ 1601 „ „ 2400
מיטוואך „ „ „ 2401 „ „ 3200
דאנערשטאג „ „ „ 3201 „ „ 4100
פרייטאג די וועלכע האבען צוליב וויכטיגע אורזאכען ניט געקענט קויפען אין די אנגעצייכענטע טעג.

די קאנטאר פון „אייניגקייט"
האט זיך איבערגעקליבען אויף יוריעווסקע נומער 6 (אנטקעגען די מאנע פירמא)
אריינגאנג פון הויף. עפען פון 10 פריה ביז 5 אווענד.
מעלדונגען ווערען אנגענומען פון 10 ביז 8.

[illegible] רעזאלוציע.

[illegible] צושטעלען אין [illegible]

[illegible] טאג.

[illegible] אינטערנאציאנאל [illegible]

[illegible] עאטער

[illegible] בעסטען [illegible] פאראנען

[illegible] פון „בונד" אין [illegible]

[illegible] אויסערן [illegible] פעלטען

[illegible] האבען מיר [illegible] א פראגע אויב [illegible] דא איז א [illegible] קיין קאמו- [illegible] [illegible] פאר [illegible] [illegible]

[illegible] פארט

[illegible] דער [illegible] דער לינ[illegible] פראקציע פראטעס [illegible] פארשטעהער פון

[illegible] די פראגע וועגען [illegible] דער [illegible] אלטע פארטיי-טירן. [illegible] באקומען די [illegible]

[illegible] טע זיצונג.

[illegible] זיך אינטערן פארזיץ [illegible] אייזענשטאט [illegible]

פאריזער קאמונע.

[illegible] דער פאריזער קאמונע, [illegible] די קאמו- [illegible] געמאכט [illegible] געווען איינואס. [illegible] ניט אליין און וועלען [illegible] ווען מיר פייערען [illegible] פון דער קאמונע, איז עס [illegible] ניר אלס פארזעצונג. [illegible] סאציאליסטישע רעוואלוציע קומט [illegible] דער גאנצער וועלט. די עפאכע [illegible] זיך איצט מיט א זיג פון [illegible]

[illegible] האבען זיך אויף און [illegible] אנדענקען פון די העלדען [illegible] פאריזער קאמונע.

[illegible] פאריזער מאמענט.

[illegible] געהט איבער צו די [illegible] פאליטישן מאמענט. [illegible] דאס ווארט דער [illegible] דער רעכטער פראקציע ה' [illegible]

[illegible] א רעכטע ס. ר. אקטיוויס- [illegible] דעם שאדען, וואס [illegible] באלשעוויקעס ברענגען. אבער מיר [illegible] זיך אפּ פון די וואס געהען געגען [illegible] אין די הענד, ווייל מיר [illegible] ווערט געשטיצט די [illegible] רעוואלוציע. מיר באלאנגען ניט צו [illegible] און וועגען מיר ניט קיין [illegible]

געגען די אנדערע ריכטונגען זענען מיר סאציאל-דעמאקראטען, מארקסיסטישע סאציאל-דעמאקראטען געגען די קאמוניסטען.

דער רעכטער צענטער פון דער קאנפערענץ אנערקענט די דעמאקראטיע, איז ער נאהענט צו אונז. דער לינקער צענטער האט זיך צוגעפאסט צו די שטימונגען פון די מאסען, ניט אפזאגנדיג זיך פרינציפּיעל פון דעמאקראטיזם, ווארפען זיי ביסלעכווייז ארויס דעם בעסטען באגאזש פון אונזער סאציאליסטישע לערע און אזוי ווערט פארווישט דער גרעניץ פון זיי ביז די קאמוניסטען.

מיר אנערקענען די סוביעקטיווע און אביעקטיווע אויסערליכע נאדינגונגען פאר דער סאציאלער רעוואלוציע. דער ארבייטער-קלאס מוז אבער זיין ארגאניזירט און באוואוסטזיניג. די פראדוקציאן מוז זיין טעכניש און ווירטשאפטליך אנטוויקעלט. אין דעם אונטערשיידען מיר זיך פון די קאמוניסטען. מיר שטעלען זיך פאר די פארווירקליכונג פון סאציאליזם דורך דעמאקראטיע.

אויב דיקטאטור, וועט עס זיין דערפאר ווייל דער פראלעטאריאט צוזאמען מיט די אנדערע שיכטען, וואס וועלען ניט האבען וואו צו געהן, וועלען פארשטעלען מיט זיך די מערהייט און איינפירען דעם סאציאליזם.

די קאמוניסטען פארשטעהען, אז זיי האבען ניט הינטער זיך די מאסען. מוזען זיי זיך שטיצען אויף דער דיקטאטור פון דער מינדערהייט. זייערע פרינציפּען זענען די זעלבע פון די בלאנקיסטען אוטאפּיסטען. זייער שעדליכקייט איז שוין גענוג דערוויזען געווארען.

די אומצופרידענהייט פון די מאסען איז גרעסער געווארען. זיי הייבען אן צו פאדערען פון דער מלוכה, אז זי מוז זיך אריינמישען און פארבעסערן זייער לאגע. אבער פון צווייטען זייט זענען די מלוכות ארעם געווארען, ווייל די מלחמה האט אלץ צושטערט. עס מוזען פארקומען גרויסע סאציאלע פאראנדערונגען, וועלכע די מלוכה וועט מוזען דורכפירען פאר די נוצען פון די ברייטע מאסען. עס וועלען מוזען נאציאנאליזירט ווערען יענע אונטערנעמונגען, וואס זיינען דערצו צייטיג. די קאאפעראציע וועט באקומען א גרעסערע באדייטונג. דאס גלייכען ארבייטס-פארזיכערונג, רעכטס אויף ארבייט א. ד. גל.

אבער מיר האלטען פאר אונזער חוב צו זאגען, אז איינפירען גלייך דעם סאציאליזם קען מען ניט. עס מוז נאך זיין פריוואטע איניציאטיווע, [illegible] ארט, וואו די באלשעוויקעס שטויסען זיך צונויף מיט'ן פראקטישען לעבען, מוזען זיי עס אויך אנערקענען.

די ראטען-מאכט איז א דיקטאטור פון א פארטיי אדער פון א טייל פון א פארטיי, אבער ניט פונ'ם פראלעטאריאט און פויערטום. דאס איז א ביוראקראטיע, וואס איז אין געוויסער מאס ערגער, ווי די אלטע ביוראקראטיע, וועלכע איז פארט דורכגעגאנגען א שולע.

מיר זיינען אבער ניט קיין באיקאטיסטען. מיר געהען אין אלע עפענטליכע איינריכטונגען צו ברענגען הילף וואו נויטיג און צו ראטעווען, וואס עס איז נור מעגליך. אבער מיר פארטרעטען ניט אזעלכע שטעלען, וואו מיר דארפען טראגען די פאליטישע פאראנטווארטליכקייט. מיר קענען ניט זיין פאראנטווארטליך פאר'ן צושטאנד, וואס ס'איז ניט פון אונז געשאפען געווארען. מיר קריטיקירען און פאדערען דארט דעמאקראטיזם. מיר ווייזען אבער אן, אז זיי קענען זיך ניט דעמאקראטיזירען, און אז דער איינציגער וועג איז — דעמאקראטיע.

מיר אנערקענען די געפאהרען, וואס עס ברענגט מיט זיך די אקופאציע און קעמפען געגען איהר. אבער מיר מוזען אויפריכטיג ארויסזאגען, אז רוסלאנד וועט נור דאן זיין שטארק, ווען מיר וועלען שטעהן אויפ'ן שטאנדפונקט פון דעמאקראטיע, דאן וועלען מיר ניט מורא האבען פאר קיינעם.

מיר ווייסען דעם שווערען וועג. אבער מיר זיינען זיכער, אז די מאסען וועלען פאדערען זייער רעכט און געהן אויפ'ן וועג פון סאציאליזם, צו וועלכען מיר שטרעבען.

דער צווייטער פארטראג ווערט געהאלטען פונ'ם פארשטעהער פון דער לינקער פראקציע ה' יאנקל לעווין:

פונ'ם ערשטען פארטראג האט מען געקענט זעהן די לאגע פון דער פארטיי. דער צענטער דארף ענטפערען, וואס גרעניצט זיי אפּ פון די רעכטע.

מען זאגט אונז, אז מיר זענען ניט קיין סאציאל-דעמאקראטען. אויב די וואס זאגען עס האלטען זיך פאר דער זעלבער אריענטאציע וואס פאר דער מלחמה, איז זייער פארוואורף ניט קיין באליידיגונג. ווי ווערט נאך זייער מיינונג נאך פארקומען סאציאליזם? דאס זעלבע וואס די זאגען איצט, האט מען דאך געקענט זאגען מיט 10 יאר פאר דער מלחמה.

אין זייערע אייגענע רייהען איז דא א גרויסער ווידערשפּרוך: אט האלטען זיי פאר נאציאנאליזאציע, נור וועלענדיג דאס מאכען דורך פארלאמענטאריזם, מאכען זיי עס צו גארניש, ווייל זיי ווילען איבערגעבען דער בורזשואזיע, אז זי זאל עס דורכפירען. ווי באלד דער ארבייטער-קלאס קען ניט נעמען די מאכט, וועט די דעמאקראטיע זיין א דיקטאטור פון דער בורזשואזיע איבערן ארבייטער-קלאס. עס קענען נור זיין צוויי דיקטאטורען פון פראלעטאריאט אדער פון דער בורזשואזיע.

די פאזיציע פון צענטר איז אויך ניט קיין ריכטיגע. זיי ווילען איינהאלטען די אלטע טראדיציעס און פארמען, וואס זענען געווען צוגעפאסט פאר דער רעוואלוציע. אבער אזוי ווי עס איז דאך פארט א רעוואלוציע, לאזען זיי פאר זיך אפענע טירען.

אזוי כוועען די קליינבירגער, אמאל געהען זיי נאך דער בורזשואזיע, אמאל נאכ'ן פראלעטאריאט. און אויב ער וועט ניט האבען די דיקטאטור, ווער זשע וועט עס פאר איהם איינפירען? אויב מיר שטעהן אויפ'ן שטאנדפונקט פון א סאציאלער רעוואלוציע טארען מיר עס ניט פארטונקלען.

צי איז היינט די סאציאלע רעוואלוציע? די מלחמה האט ארויסגעריסען די אלטע ווארצלען און געוויזען דעם ווידערשפּרוך אין דעם קאפיטאליזם. דער קאפיטאל איז אינטערנאציאנאל און די אנטוויקלונג פונ'ם קאפיטאליזם אין אלע לענדער. די גרויסע טרעסטען, וואס זענען אויסגעוואקסען אין מערב-אייראפּע און אמעריקע האבען דערוויזען די צייטיגקייט פונ'ם סאציאליזם. די 4 יעריגע מלחמה האט באוויזען דעם פראלעטאריאט, אז דער סאציאליזם איז זיין איינציגער באפרייער.

ווען די חברים פון צענטר טרעטען ארויס מיט אן'עקאנאמישע פראגראם, איז עס כמעט די זעלבע וואס די קאמוניסטישע. די פראגע איז וועגען די פרינציפּען, און דא האט מען מורא צו געהן ווייטער.

מיר דארפען די וואקעלדיגע אויסקריסטאליזירען. מען דארף זיך ניט שרעקען פאר'ן ווארט קאמוניזם. עס איז געווען א צייט, ווען דאס ווארט „באלשעוויק" איז געווען א זידעל-ווארט, אזוי איז אמאל געווען א זידעל-ווארט דער ווארט [illegible].

די רוסישע קאמוניסטען האבען זיך טאקע געהעריג-מאסען קאמפּראמעטירט מיט זייער טאקטיק אבער די רעכטע ס. ר. אקטיוויסטען האבען זיך דאך אודאי קאמפּראמעטירט מיט זייערע אקטיווע מעשים, פונדעסטוועגען האט איהר נישט מורא פאר'ן נאמען סאציאל-דעמאקראט. דארף מען נישט מורא האבען פאר'ן נאמען קאמוניסט.

דא קען קיין רייד ניט זיין וועגען סאציאליזם דורך דעמאקראטיע. דער בונד, וואס איז אלע מאל געווען די רעוואלוציאנערסטע פארטיי אויף דער אידישער ארבייטער-גאס דארף זיין פאר דעם, אז דער ארבייטער דארף האבען די גאנצע מאכט. די דיקטאטור פון פראלעטאריאט דורך די ראטען איז דער איינציגער וועג צום סאציאליזם.

—

אין נאמען פון רעכטען צענטער האלט א פארטראג ה. א. ליטוואק.

— איך שטעה אויפ'ן שטאנדפונקט פון דער סאציאלער רעוואלוציע. אבער די סאציאלע רעוואלוציע ווערט ניט געמאכט מיט איין קלאפּ. ווארום אפילו די לענדער, וואס זענען שוין צייטיג צום סאציאליזם, האבען נאך אין זיך גענוג מעכטיגע קאנטער-רעוואלוציאנערע כחות אינעווייניג און גרויסע [illegible] מאטעריאלען און מענשען אין די גרויסע קאלאניאלע לענדער און אין די אפגעשטאנענע [illegible] סאציאלע רעוואלוציע [illegible] דורך הפסקות. [illegible] 1789 [illegible]

[illegible]

מען מוז זיך איינשטעלען אויף דער סאציאלער רעוואלוציע [illegible] סאציאלער רעוואלוציע [illegible] יעדע אינ- [illegible] אויף דער [illegible] אייגענע כחות.

[illegible] דעמאקראטיזם [illegible]

ריסלאנד איז ניט איבערגעוואקסען די דעמאקראטיע. ריסלאנד איז נאך צו דעמאקראטיע ניט דערוואקסען. די גרעסטע מערהייט באשטעהט פון קליינע אפגעשטאנענע פויערים. ווי נאר ער קריגט ערד, איז ער געגען דעם סאציאליזם, געגען דער רעוואלוציע און געגען באלשעוויזם אודאי. דער פראלעטאריאט ווערט [illegible] דעם בירגער-קריג און דורך דעם וואקסענדען ווירטשאפטליכען חורבן, וואס ווייטער אלץ קלענער און עקאנאמיש נישטיג, ער לויפט אין דארף. אין דעם בירגער-קריג צעווייכען שטאט און דארף, צו וועלכען די דיקטאטור פון דער קאמוניסטישער פארטיי האט געבראכט, ווערט דער ארבייטער-קלאס פשוט פיזיש פארניכטעט און עס וועט קומען א טאג, ווען די רויטע ארמיי וועט באשטעהן פון פויערים און ווען דער פויער וועט זיין זיכער, אז ער קאן מיט אייגענע קרעפטען איינהאלטען די ערד, וועט ער ווערען דער בעל-הבית אין לאנד. דאס לאנד און דער פראלעטאריאט וועלען אפגעשוואכט ווערען [illegible] א דור צוריק. די רויטע ארמיי קאן ווערען א קראפט, וואס וועט אליין ווערען די הערשערין פון לאנד.

אבער עס איז מעגליך אן אנדער וועג: אן אויסגלייך מיט די פויערים, כדי צוזאמען שאפען די נייע וועלט. [illegible] דערצו איז נייטיג [illegible] נאציאנאלי[illegible] נאר דאן [illegible]. עס איז צייטיג געווארען דערצו, דאס [illegible] איבערלאזען פאר קאאפעראציע און קאנטראלירטע פריוואטע אונטער[illegible]. דערצו איז נויטיג וואס מער דעמאקראטיזם לכל הפחות דערווייל פאר די ארבייטענדיגע מאסען. דערצו איז נויטיג אויסגעבען דעם בירגער-קריג, זיך צונויפצורעדען מיט די ניט קאמוניסטישע סאציאליסטישע פארטייען. איינ[illegible] מעהר ווייטזעהענדיגע קאמוניסטען פּרובען זיך שוין שטעלען אויף דעם וועג. אבער זיי קענען עס ניט.

די גרויסע ביוראקראטיע, וועלכע ער האט באשאפען איז געווארען א מאכט פאר זיך.

אבער רוסלאנד דארף ניט אליין אין דער וועלט. פאראן דער זיגרייכער אימפּעריאליזם, וואס וויל דערשטיקען דאס ראטען-רוסלאנד. די ראטען-רעגירונג זוכט אן אויסגלייך מיט דער אנטאנטע. דאס איז נויטווענדיג. אבער די אנטאנט קען דערשטיקען רוסלאנד און זי קאן געהן אויף הנחות און לאזען אונז א רגע רוה. און וואס ווענדעט זיך דאס? אן די מאסען פון אנדערע לענדער. דערצו דארף מען זיך מיט זיי צונויפרעדען. דערצו איז נייטיג דער סאציאליסטישער אינטערנאציאנאל. און דאס איז נאך א איבעריגע גרויסע סיבה, פארוואס מיר דארפען שטרעבען צו א [illegible] אינטערנאציאנאל, וואס זאל איינכאפען די ברייטסטע ארבייטער-מאסען פון אלע לענדער, ניט קיין אינטערנאציאנאל פון ספארטאקאויצעס אליין.

אויב מען קען געהן אויף אן-אויסגלייך מיט לאיד דזשארדזשן, פאר וואס ניט מיט הענדערסאנען? פארוואס קען מען פירען אונטערהאנדלונגען מיט קלעמאנסאן און ניט מיט קאוטסקין? און א בעסערן אפּמאך מיט דער אנטאנטע און א מעהר זיכערע רגע רוה וועלען מיר דאך באקומען, ווען אינטערנאציאנאל ווערט איינגעשטעלט ווערען א איינהייטליכער פראנט.

אין מיינע פראקטישע פארשלאגען בין איך אין גאנצען מסכים, מיט די פארשלאגען פון [illegible] בעראטונג און מיט די וואס אין דער רעזאלוציע פון חבר וויינשטיין. [illegible] איצטיגען מאמענט, ביי די איצטיגע כחות פארהעלטעניסען, קאנען מיר ניט פאדערען קיין גרינדונגס-פארזאמלונג. קאנען מיר ניט שטעלען זיין געפאהר די ערד פאר פויערים און די רעפובליק [illegible] עראבערונגען.

אבער איך בין ניט מסכים מיט [illegible] וויינשטיין אין דעם, וואס ער זאגט זיך אפּ אין גאנצען פון דעמאקראטיזם. דעמאקראטיע איז א וויכטיגער טייל פון אונזער וועלט-אנשויאונג. אויב מיר ווארפען עס ארויס, פאר וואס [illegible] מיר זיך סאציאל-דעמאקראטען? און דאס איז ניט ב[illegible] א פרינציפּ. דאס איז דאך איצטער א פראקטיק. מיר פאדערען דאך וואס מעהר דעמאקראטיזם אין די ראטען פון דער ראטען-מאכט גופא. ארויסווארפען דעמאקראטיזם הייסט ווערען קאמוניסט, הייסט ארויסווארפען אויך אונזער נאציאנאלע פראגראם און אונזער ארגאניזאציאנס פרינציפּ, ווייל ביידע זענען געגרינדעט אויפ'ן יסוד פון דעמאקראטיזם.

חבר ראפעס האט שוין אין ביידע פונקטען געמאכט די נויטיגע [illegible]. אויב דער חבר וויינשטיין מאכט זיי ניט, וועלען זיי אנדערע פון לינקען צענטער מאכען, ווייל אדער קאמוניזם אדער סאציאל-דעמאקראטיע ביידע צוזאמען קאן מען ניט אננעמען.

4-טע זיצונג.

ה' א. וויינשטיין (לינקער צענטער)

ה' ליטוואק מיינט, אז דער אונטערשייד צווישען רעכטען און לינקען צענטער איז נאר די באציהונג צו דער דעמאקראטיע. דאס איז ניט פולקאם ריכטיג. איך וואלט דעם אונטערשייד אנדערש פארמולירט: ליטוואק איז אויך ניט צענטלאך געווענדעט געגען לינקס. איך בין כמעט אויף דעם זעלבען גראד געווענדעט געגען רעכטס. די הויפּטפראגע איז סאציאלע רעוואלוציע. דער ה' ליטוואק אריענטירט זיך אויך אויף די סאציאלע רעוואלוציע, אבער ער פארלירט אויף דעם טייל וועניגער טעמפעראמענט. איינער אויפ'ן קאפּ געגען לינקס און אויף צו באוויזען, אז מיר זענען ארעם, אויסגעמאטערט א. ד. גל.

ה' הערציק איז היינט ניט געווען אויף דער הויך. זיין שטאנדפונקט איז דאך, אז מיר געהען צו א נייער תקופה פון דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט. היינט האט

מיר בעטען אלע אבאָנענטען אריינטראָגען גלייך דאס אבאָנעמענטס-פרייז, כדי עס זאָל ניט פאָרקומען קיין אָפּהאַלטונג אין אַרויסשיקען די צייטונג.

די קאָנטאָר.

צו [illegible] קם במעט ניט געערדט. מ'מוז [illegible] די לאגע אין אליעלטליכען מאַסטאַ [illegible] ענטפערען: צו קענען מיר [illegible] צוריק אז די אימפּעריאַלי[illegible] קען זיך נאך סערוואנדלען [illegible] אין גרענצען פון דער [illegible] 'פאַטערלאנד'? די פינאנ[illegible] איז [illegible] אויסגענוצט [illegible] דאס אלגעמיינע וואל[illegible] גאנצען מליכה-אפּאַ[illegible] וועלכער [illegible] ביים רודער פון [illegible] בורזשואַ[illegible] די קליין בורזשואַ[illegible] א העכערע תקופה [illegible] ווי טשאפּ? [illegible] איז צושטערט. [illegible] פארשטעהן די [illegible] מעכאניש. [illegible] מאשינען, [illegible] זיך אפּגע[illegible] דאס דען אז מיר [illegible]? מיר [illegible] פּרא[illegible] דער בויאונגס[illegible] גלייך אַהוי[illegible] פאָרמען. און פון [illegible] נאר [illegible] ווירטשאפט. דעם [illegible] נאר דער [illegible] פון דער פינאנץ[illegible] נור צום [illegible] אלע ארייט[illegible]

[illegible] דער אליועלטליכער [illegible] פאָלקס צו דעם צו[illegible] פאר דער מלחמה [illegible] באַדערקט אז דער מער[illegible] [illegible] אלעטאריאט איז אין [illegible] אריין אין א [illegible] ער [illegible] האָט זיך [illegible] קיפּטען האָט [illegible] און אלע האָבען [illegible] א קריזיס, אז ס'קומען [illegible] אז דער פּראָלע[illegible] פאר זיין אנגע[illegible] און ווען ער פראגע[illegible] דער מלחמה אויף, [illegible] פון רע[illegible] קומט צו איס מיט [illegible] אדראַנען. אז ער [illegible] זיינע ליידען [illegible] רעגאַרמען און [illegible]

[illegible] באַראַבטען, [illegible] געבים. [illegible] מלחמה געווען [illegible] קאַפּיטאַל [illegible] צוזאמען מיט די אפּגע[illegible] געווען די העכסטע [illegible] מיר זענען אויף [illegible] פון דער אליועלטלי[illegible] [illegible] אונזער אי[illegible] א צייטווייליגע ערשיינונג, וועט זיך דער פּראָצעס פון סאָצ. רעוו. פאַנאַנדערברעכען, וועט רוסלאַנד ארומגעכאַפּט ווערען.

סוביעקטיוו שטעלט זיך די פראגע אזוי: צי קען אוועלכע ס'איז סאָצ. גרופּע איצט, נאָך דעם ווי ביי אונז האָט זיך שוין דער פּראָצעס פון סאָצ. רעוואָל. אנגעהויבען, ארויסשטעלען דעם לאָזונג: צוריק צום קאַפּיטאַליזם. די זאַך פון אונזער סאָציאַליסטישען כבוד, איז איינהאַלטען וואָס מער פון דער סאָציאַליסטישער שאַפונג, וואָס האָט זיך אנגעהויבען.

אין דעם קאַמף צווישען דעמאָקראַטיע און דיקטאַטור פארגעסט מען אינגאַנצען דעם סאָציאַלען אינהאַלט. מיר האָבען איצט דעמאָקראַטישע רעפּובליקען, וואָס זענען א ווערקצייג פאַר בורזשואַזער הערשאַפט. דערמאָנט זיך וואָס מ'האָט געערדט אמאָל וועגען פאַרלאַמענטאַרישען קרעטיניזם. ווייטער איז דער סאָציאַלער אינהאַלט פון דער אויסערליכער מלוכה-פאָרם. צו דען קען מען אין היינטיגער צייט שטעלען די בורזשואַזיע אין גלייכע רעכט מיט דעם פּראָלעטאַריאַט. צ. ב. אין דער פראַגע וועגען אייגענטום, צו אנערקענען צ. ב. אונזערע רעכטע דאָס רעכט פון דער מלוכה צו קאָנפיסקירען דעם אייגענטום פון דער בורזשואַזיע (דרוקעריי צייטונגען)? אייב יא דאַן האָט דאָך די בורזשואַזיע ניט קיין גלייכע רעכט מיט'ן פּראָלעטאַריאַט.

ווען מ'ברעכט די בורזשואַזע אָרדנונג קען ניט זיין קיין רעד וועגען פולע קאַמף גלייכבערעכטיגונג.

דאָס זעלבע וועגען דיקטאַטור. מ'האָט ביי אונז באַשאַפען אַקרעטיניזם פון דיקטאַטור. ח' לעווין רעדט וועגען יעס אינבאַשטימס. וועלכער קלאַס וועט האַלטען די מאַכט אין זיין האַנט? אין מערב אייראָפּע קען שטעהן די פראַגע וועגען דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, ווייל ער איז דאָרט א מערהייט. ביי אונז איז דער פּראָלעטאַריאַט א קליינע מינדערהייט. ער איז אפּגעשוואַכט. די דיקטאַטור האָט אפּגענומען עטליכע דורות פון זיינע בעסטע כחות. אויף וועמען וועט זי זיך האַלטען? ווי איז ביי אונז נאָך דער מלחמה, ווען אין רשית פון דער רעוואָלוציע איז געווען געווער פון דער העכסטער טעכניק, פאַרוואַנדלט זיך די דיקטאַטור אין א מעכאַנישע קראַפט ניט אין א סאָציאַלע. זי איז ניט קיין מאַכט פון אַן אמת'ער דיקטאַטור. צו דען פעלט מיר ניט אין אונזער גאַנצער ראַטען-אַרבייט, אז ס'פעלט כאָטש, אז ס'איז ניטאָ קיין [illegible]נונג, ווייל ס'איז שוואַך די מאַכט.

מ'דאַרף האָבען אַ בריטערען און ענגערען סאָציאַלען באַזיס. דאָס זענען ביי אונז די ארבייטענדע. די ארבייטער און פּויערים. ס'דאַרף זיין א קלאַרער און אָפענער אָבמאַך צווישען די ביידע סאָציאַלע גרופּען. די מאַכט דאַרף זיך בויען אויף דער זעלבסטטעטיגקייט פון די מאַסען, אויף זייער אָרגאַניזירטען ווילען. דאָס וועט זיין די אמת'ע דעמאָקראַטיע פון די ארבייטענדע.

מאָטיווען, 294 פאַרשיידענע וואַגאָנעס, 51 טויזענד פוד צוקער, 3 משא-אויטאָמאָבילען. אין אדעסער ריכטונג, אין קאלאשאווקא-בערעזאווקי געגנט גייט א שלאַכט צווישען דער רויטער אַרמיי און ווייסגיוואַרדייצעס. דער שונא, וועלכער איז געכסען איבערגעגאַנגען צום אנגריף איז אָפּגעשלאָגען געוואָרען און טרעט אָב צו בערעזאָווקא.

(ראסטא)

— איבערגעריסען א פאַרטראַג. דעם 17 מארס האָט דער מיטגליד פון צ. ק. פון ר. ס. ד. א. פּ. חבר סעמקאָווסקי געהאַלטען אין שאַטס-טעאַטער א פאַרטראַג וועגען 3-טען אינטערנאַציאָנאַל.

רעכענענדיג זיך מיט'ן מאמענט, האָט דער רעדנער באַלויכטען די פראַגע כעהר אקאַדעמיש און היסטאָריש. פּליצלונג האָט א פאַרשטעהער פון שטאָט-קאָמענדאַנטור ערקלערט, אז דער פאַרטראַג מוז איבערגעריסען ווערען, ווייל ס'איז ניט גענומען געוואָרען קיין ערלויבניש, אזוי ווי ס'פאָדערט דער געזעץ פון קריגס-צושטאַנד.

ביים ארויסגאַנג פון טעאַטער האָט מען דורכגעקוקט די דאָקומענטען און געזוכט געווער.

— אין „פאַראייניגטען-בויער". דער ארבייטער-קאָאָפּעראַטיוו דער „פאַראייניגטער בויער" האָט אויף דער אלגעמיינער פאַרזאַמלונג, דעם 18 מארס, באַשלאָסען אנצונעמען דעם פאַראייניגונגס-פּראָיעקט און סטאַטוט פון דעם נייעם צענטראַלען ארבייטער-קאָאָפּעראַטיוו.

— סאווראבקאפּ. דעם 18-טען מארס איז פאָרגעקומען א זיצונג פון ראַט פון די פאַראייניגטע ארבייטער-קאָאָפּעראַטיווען. ס'איז באַהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע וועגען דער מאָסקווער קאָנפערענץ פון דער ארבייטער-קאָאָפּעראַציע וואָס וועט פאָרקומען דעם 25-טען מארס.

די הייפּט פראַגע פון דער קאָנפערענץ וועגען א באַזונדערען צענטער פון די ארבייטער-קאָאָפּעראַטיוון און וועגען [illegible] סום-קאָמונעס.

וועגען דער ערשטער פראַגע האָט זיך די באַראַטונג ארויסגעזאָגט פּרינציפּיעל געגען שאַפען א באַזונדערען ארבייטער-צענטער פון דער ארבייטער-קאָאָפּעראַציע. אויב אבער אזא צענטער וועט געשאַפען ווערען דאַרף מען אין אים אריינגיין און ווירקען דאָרטען, אז דאָס ווייטער צענטער זאָל פון ארבייטען אין קאָנטאַקט מיט'ן צענטראָסאָיוז. די באַראַטונג האָט זיך אויך ארויסגעזאָגט געגען גרינדען קאַנטום-קאָמונעס.

אלס דעלעגאַטען זיינען אויסגעוועהלט געוואָרען די ח"ח י. אייזענשטאַט (יודין) און אָפּענבערג. איינער פון די דעלעגאַטען וועט אויך פאַרטרעטען דעם ראַט ביי דער פאַרזאַמלונג פון באַפולמעכטיגטע פון דער ארבייטער-קאָאָפּעראַציע אין מערב-געגענד, וואָס וועט פאָרקומען אין סמאָלענסק דעם 21-טען מארט.

— ארמיי-ארבייטס. אין ארבייטס-בירושע (זאַכאַריעווער גאַס 43) ווערען איצט ווערבירט ביז 600 שוואַרץ-ארבייטער אויף צו פאָרען אין דעם געגענד פון באַלאַשאָוו צו ארבייטען אין דער אינזשענערען-דרוזשינע פון דער 9-טער ארמיי.

שוואַרץ-ארבייטער וועלען באַקומען 380 ר. אחודש, פלאָטניקעס און שמידען — 600 ר. א רויט-אַרמייאישען פּאַיעק און אויך קליידער, פרייע דירות אין די באַראַקען אָדער פּויערשע הייזלאַך. דער ארבייטס-טאָג איז 8 שעה. דער טערמין איז אויף 6 מאָנאַטען פון דעם טאָג אָן ווען מ'וועט שרייבען אונטער דעם קאָנטראַקט. די ארבייט ווערט געטאָן ביי די בנינים אין טיל פון דער ארמיי. די רייזע איז אומזיסט אהין און צוריק. אויב די ערנעהרונגס-לאַגע וועט ניט פאַרשאַרפט ווערען וועלען די רייזענדע באַקומען אויך ערנעהרונג אויס'ן וועג. אלע, וואָס קומען אָן אויף דער ארבייט זיינען מיליטער-פאַרפליכטעטע. דערפאַר זיינען זיי פּטור פון געצוואונגענע דינסט אין מיליטער.

— פון דער אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלע פאַרזאָרגונג און ארבייטסשוץ.

די אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג און ארבייטס-שוץ מעלדעט די אלע, וואָס דאַרפען ארייננעמען די פאַר[illegible]-אָפּצאָהלונגען, אז די טערמין פאַר [illegible] פון חודש מארט [illegible] ווי עס איז [illegible] מעלדונג געווען פון 18 טען מארט, נאָר אויף 21 — 25 מארט.

איבער'ן לאַנד.

קראַסין — פאָלקס-קאָמיסאַר פון די אייזנבאַנען.

מאָסקווע, 17 מארט. צוליב דעם, וואָס דער פאָלקס-קאָמיסאַר נעוויסקי האָט ערקלערט, אז ער וויל זיך אינגאַנצען אָפּגעבען דער פּאַרטיי-ארבייט, איז אָנגענומען געוואָרען זיין בייטע וועגען ארויסגעהן פון אַמט פון פאָלקס-קאָמיסאַר פון די אייזענבאַנען. אויף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרען קראַסין.

(ראסטא)

פון די פראָנטען.

פון פראָנט באַריכט פאַר'ן 17 מארס.

מערב-פראָנט. אין ראַיאָן פון טשורער אָזערע האָט דער שונא פאַרכאַפּט די סטאַנציע [illegible] דרום'דיגער. אויפ'ן מערב ברעג פון [illegible] צווישען די אָזערעס האָבען די [illegible] טיילען פאַרנומען א רייהע ישובים. אין פּסקאָווער ראַיאָן 15 ווערסט דרום מערב'דיגער פון [illegible] געהט א שלאַכט. אין מיטאַווער ראַיאָן האָבען די רויטע לעטישע טיילען ווידער פאַרנומען יאַנישקי 45 ווערסט דרום'דיגער פון מיטאַווע. אין קאָברינער ריכטונג האָבען די רויטע לעטישע טיילען אונטער'ן דרוק פון שונא פאַרלאָזען באַראַנאָוויטש און זענען צוריק געגאַנגען אויף נייע פּאָזיציעס 10—12 ווערסט מערב'דיגער פון נעסוויזש. אין מאָזירער ראַיאָן, קאָראָסטענער ריכטונג, קעמפט מען פאַר א פאַרביטערטער קאַמף אין ראַיאָן פון דער סטאַנציע קאָראָסטען.

פון פראָנט-באַריכט פאַר'ן 18 מארט.

מערב-פראָנט. אין ראַיאָן פון דער [illegible] האָבען די רויטע [illegible] פאַרנומען דאָס שטעטל [illegible] 7 ווערסט צפון מערב'דיגער פון דער סטאַנציע [illegible]. אין פּסקאָווער ראַיאָן [illegible] ריכטונג האָבען מיר פאַרנומען א רייהע ישובים 7 ווערסט צו מערב פון פּסקאָוו. אין מיטאַווער ראַיאָן, און אין [illegible] ריכטונג האָבען די רויטע לעטישע טיילען פאַרנומען נייע פּאָזיציעס צו מזרח פון סוקום. אין פּאָנעוועזשער ריכטונג האָבען מיר פאַרנומען נייע פּאָזיציעס, 15 ווערסט צו מערב פון פּאָניעוועזש.

דרום-פראַנט.

אין דאָנעצער ראַיאָן האָבען אונזערע טיילען פאַרנומען די סטאַנציעס מאַן-דרינקא און רוסענקאָווא, 10 ווערסט דרום-מערב'דיגער פון יוזאָווקא. מיר האָבען פאַרכאַפּט 4 לאָקאָמאָטיווען. צפון'דיגער האָבען מיר פאַרלאָזען די סטאַנציע פּלעשטשעיעווקע. אין לוגאַנער ראַיאָן האָבען מיר פאַרנומען א רייהע פונקטען. אין מעללעראָוואָר ריכטונג האָט דער שונא אריבערגעפירט גרויסע קרעפטען איבער'ן דאָן און האָט פאַרנומען די סטאַנציע קאָנסטאַנטינאָווקא; אונזערע טיילען האָבען אין א קאָנטר-אַטאַקע נאָך א 8 שעה'דיגען פאַרביטערטען קאַמף צוריקגעוואָרפען דעם שונא איבער'ן דאָן און האָבען צוריק פאַרנומען דעם אָרט.

מזרח-פראַנט.

אין אוראַלסקער ראַיאָן האָבען אונזערע טיילען פאַרנומען קאָזשראַסאַיאָוסקאַיע, 15 ווערסט צפון'דיגער פון לאַישעווסק. אין איזשמער ראַיאָן פאַרפעסטיגען זיך אונזערע אָפּטיילונגען 30 — 35 ווערסט פון איזשאַ.

(ראסטא)

אָפּגענומען דאָס וואַהל-רעכט ביי די ריגער בונדיסטען.

(ספּעציעל'ע טעלעגראַמע)

ריגע, 14 מארס. דער ריגער קאָמיטעט פון די קאָמוניסטען האָט באַזייטיגט דעם „בונד" פון די וואַהלען צום ארבייטער ראַט.

ריגער קאָמיטעט פון „בונד".

פון דער בונדישער ארכיוו-קאָמיסיע.

א בריף אין רעדאַקציע.

ביז דער רעוואָלוציע פון 1917 יאָר האָבען זיך אלע מאַטעריאַלען וועגען „בונד" געקליבען אין אונזער אויסלענדישען ארכיוו אין זשענעווע. אין מאַי פון 1917 יאָר, בעת עס איז ליקווידירט געוואָרען דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד", [illegible] זענען די מאַטעריאַלען פון ארכיוו איבערגעגעבען געוואָרען אויף [illegible] דער שווייצאַרישער ס. ד. פּאַרטיי.

די גרויסע צאָל מאַטעריאַלען ווי וועגען דער אידישער ארבייטער-באַוועגונג, אזוי אויך וועגען די רעוואָלוציאָנערע און געזעלשאַפטליכע באַוועגונגען אין רוסלאַנד און דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם האָבען א סך פון אונז געגעבען די מעגליכקייט צו געפינען אין אונזער ארכיוו א סך זאַכען וואָס זענען ניט געווען אין אַנדערע ערטער. אבער ביז'ן אנהייב פון דער מלחמה זענען מאַטעריאַלען פאַר אונזער ארכיוו אנגעקומען מיט גרויסע שוועריגקייטען און די מאַטעריאַלען פון פּעריאָד פון דער רעוואָליוציע זיינען אין ארכיוו אינגאַנצען ניטאָ.

דער פּעטראָגראַדער קאָמיטעט פון „בונד". האָט כדי צו דערגאַנצען אונזער פּאַרטיי ארכיוו, וועלכער וועט ביי גינסטיגע באַדינגונגען איבערגעפירט ווערען קיין רוסלאַנד, אָרגאַניזירט א זאַמלונג פון מאַטעריאַלען, וואָס האָבען א שייכות צו דער טעטיגקייט פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס.

אונז איז נויטיג צו האָבען אין ארכיוו אלע בראָשורען, צייטונגען, בלעטלאַך, אַפישען, פּלאַקאַטען, וואָס אונזערע אָרגאַניזאַציעס האָבען ארויסגעגעבען. און מיר בעטען אלע חברים בהילפיג צו זיין אונז אין דער ארבייט און צו שיקען אונז אלץ, וואָס מען קען געפינען אויף די ערטער. זאָלען די חברים ניט אָפּהאַלטען זיך פון צו שיקען די אָדער יענע אויסגאַבען, רעכענענדיג, אז דאָס געפינט זיך שוין געוויס אין ארכיוו. זאָלען זיך בעסער געפינען 2 עקזעמפּלאַרען פון א וועלכער עס איז אויסגאַבע, איידער פון א אַנדערער זאָל אינגאַנצען ניט זיין.

אלע געזאַמעלטע מאַטעריאַלען דאַרף מען אָפּשיקען אויפ'ן אַדרעס פון קאָמיטעט פון „בונד", פּעטראָגראַד, ערטעליעוו, 5.

די ארכיוו-קאָמיסיע פון „בונד".

מינסקער לעבען.

ב ר ו י ט. ס'איז אנגעקומען א פּאַרטיע מעל און מען רעכענט אז מאָרגען זאָל שוין זיין ברויט אויף די געשטעמפּעלטע באָנעס אין די ארבייטער-קאָאָפּעראַטיווען.

— איגערקעס, ציבעלע און טאָמאַטען. דער גאָרקאָמפּראָד האָט איבערגעגעבען די ארבייטער-קאָאָפּעראַטיוון א פּאַרטיע אוגערקעס, ציבעלע און סויערע קעסטלאַך טאָמאַטען.

— שיך און קליידער. דער גאָרקאָמפּראָד האָט איבערגעגעבען דעם ראַט פון די ארבייטער-קאָאָפּעראַטיוון ארום 2 טויזענד פּאָר שיך, ביי 10 טויזענד אַרשין מאַנופאַקטור און פאַרטיגע קליידער. דער ראַט דאַרף אויך אריינגעהן וועגען דעם אין א קאָנטאַקט מיט די בירגערליכע קאָאָפּעראַטיוון. אין גאָרקאָמפּראָד ווערען איצט אויף די דאָזיגע זאַכען קיינעם ניט ארויסגעגעבען קיינע אָרדערס.

— ק א ל א ש ע ן. די וואָס האָבען באַקומען פון זייערע פאַראיינען אָרדערס אויף קאַלאָשען, קענען עס באַקומען טעגליך פון 2 בייטאָג ביז 7 אָווענד אין לאַגער פון פּאַזוראַבקאָפּ (ראַט פון ארבייטער-קאָאָפּעראַטיוון) פרייהייטס-פּלאַץ נומ. 2, געוועזענע קראָם פון הערציק און באַגין. דער ראַט וועט קינפטיגע וואָך צוטיילען נאָך א פּאַרטיע קאַלאָשען, פאַר די ארבייטער, וואָס האָבען איצט קיין אָרדערס ניט געקראָגען.

— **א שעה פאָרויס.** היינט 11 ביינאַכט וועט דער זייגער איבערגערוקט ווערען אויף א שעה פאָראויס.

— די „טשעקא". דער גוביעוואָיענקאָם האָט פאַראָרדנעט, אז די גובערניאַלע „טשרעזוויטשאַיקעס", זאָל זיך תוכף צונויפגיסען מיט דער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע פון דעם רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל. דער דאָזיגער קאָמיסיע ווערט געגעבען אויסער געוויינליכע פולמאַכטען. הויז-זוכונגען און אַרעסטען קענען געמאַכט ווערען נור אויפ'ן אָרדער פון דער דאָזיגער קאָמיסיע, פון שטאָט קאָמענדאַנט און פון די קרימינעלע אָפּטיילונגען.

אין אויסלאַנד.

דייטשלאַנד.

אין דער [illegible] פאַרזאַמלונג.

[illegible] מארס. די דייטשע [illegible] האָט אָנגענומען דעם [illegible] אין רעגיר[illegible] [illegible]

(ראסטא)

[illegible] פון די אומאָפּהענגיגע [illegible] אין דער פּראָגראַמע, [illegible] געוואָרען פון [illegible] די אומאָפּהענגיגע [illegible] פונקטען קאַמף [illegible] פונאַנדערלאָזען די [illegible] פרייוויליגע קאָרפּס, [illegible] א מיליציע פון די [illegible] ארבייטער. [illegible] נאַציאָנאַליזירען די [illegible] אינדוסטריען, [illegible] ערשטען [illegible] עלעקטריע[illegible] די מעטאַל-אינדוסט[illegible] די פאַרזיכערונגס-געזעל[illegible] ערד-אייגענטום [illegible]

(ראסטא)

די אַנטאַנטע און דייטשלאַנד.

פּאַריז, 16 מארס. א ענגלישע מעלדונג: דייטשלאַנד האָט איינגעשטימט איבערצוגעבען די אַנטאַנטע איהרע טראַנספּאָרט-שיפען און דעם פּלאַץ. דייטשלאַנד דאַרף פאַר די ערנעהרונגס-פּראָדוקטען, וואָס איז איהר צוגעזאָגט געוואָרען, באַצאָהלען מיט גאָלד און מיט ווערטה-פּאַפּירען.

(ראסטא)

אין אירלאַנד.

פּאַריז, [illegible] מארס. דער מיטגליד פון דובלינער פּאַרלאַמענט, דער סינפייניסט קאַללי איז געשיקט געוואָרען קיין פּאַריז אלס פאַרטרעטער פון דער צייטווייליגער רעגירונג פון דער אירלענדישער רעפּובליק. קאַללי פאָדערט, אז די שלום קאָנפערענץ זאָל אנערקענען די אינאָפּהענגיגקייט פון אירלאַנד און זאָל איהר אריינגעמען אין דער פעלקער-ליגע.

(ראסטא)

פּוילען.

א ראַטען-צוזאַמענפאָר.

וואַרשע, 14 מארס. אויף א באַראַטונג פון די גרעסטע פּוילישע ארבייטער-ראַטען איז אנגענומען געוואָרען א באַשלוס, אז דער אַלפּוילישער צוזאַמענפאָר פון די ראַטען זאָל פאָרקומען אין אַפּרעל אין וואַרשע.

(ראסטא)

אין אוקראַינע.

יעקאַטערינאָסלאַוו, [illegible] מארס. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס מען רעכענט [illegible] אנווייזען צו ארב[illegible] אויף די [illegible] האָט דער אוקראַינישער [illegible] פון דער ארויסלענדער צוזאַ[illegible] [illegible] אויסגעקליבען [illegible] די שטעטיגקייט [illegible] מען רעכענט אויס'ן [illegible] פון די זאַוואָדען בריאַנסקער דנעפּראָווער און פון עדוואַרד גאַטקע.

(ראסטא)

פון אוקראַינישען פראָנט.

קיעוו, 15 מארס. דעם 14 מארס האָט די רויטע ארמיי גענומען זשיטאָמיר. דער שונא טרעט אָפּ. ביים פאַרנעמען כריסטיאַנאָווקע האָבען מיר פאַרכאַפּט 14 לאָקאָ-

לעצטע נייעס.

דער צוזאַמענפאָר פון דער [illegible] פּ.

מאָסקווע, [illegible] מארס. היינט [illegible] א [illegible] אין איינער האָט זיך געעפענט דער [illegible] צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

ראסטא

אין אָדעס.

יעקאַטערינאָסלאַוו, [illegible] מארס. [illegible] „אָדעסקאַיאַ נאָוואָסטי" מעלדעט, אז [illegible] אָדעסער קאָמיטעט פון [illegible] פּאַרטיי און די שטאָט דומע האָבען אָנגענומען א פּראָטעסט-רעזאָלוציע געגען די אומזיניגע מאַסען-[illegible]שיסונגען פון [illegible] ארבייטער דורך די פרייוויליגע און שוו[illegible] מאה'דיגע אָרגאַניזאַציעס.

ראסטא

דער פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר פון די אומאָפּהענגיגע

בערלין, 6 מארס. אויפ'ן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר פון די אומאָפּהענגיגע האָט קלאַראַ צעטקין שאַרף קריטיקירט די טאַקטיק [illegible] פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי [illegible] האָט ערקלערט, אז מ'מוז אנטייל נעמען אין דער בערלינער קאָנפערענץ און דער [illegible] ארבייט מיט די שייטעמאַנאיסטען האָבען די אומאָפּהענגיגע [illegible] די מאַכט, זי פאָדערט, אז די פּאַרטיי זאָל מיט מעהר קראַפט איינשטעלען זיך פאַר רעטע, אז עס זאָלען באַלד צוריק אויפגעשטעלט ווערען די באַציהונגען מיט רוסלאַנד.

(ראסטא)

א אויפשטאַנד אין סערביען.

יעקאַטערינאָסלאַוו, 15 מארס. די אָרטיגע צייטונגען באַשטעטיגען די ידיעה, אז אין סערביען איז אויסגעבראָכען א אויפשטאַנד געגען דער סערבישער דינאַסטיע. אין סלאַוואָניען קומען פאָר גראַנדיעזע מיטינגען. עס האָט זיך געמעלדעט א ראַט, וועלכער האָט ערקלערט סערביען פאַר א רעפּובליק.

(ראסטא)

אין דייטשלאַנד.

[illegible], 17 מארס. די דייטשע [illegible] אין דער [illegible]-קאָמיסיע [illegible] פּראָצעסירט [illegible] די [illegible]

(ראסטא)

אין פאָנד פון „וועקער".

געלד-באַריכט פון א קאָנצערט-מיטינג איינגעאָרדנעט אין באָריסאָוו דעם 8 מארס לטובת דעם פאָנד פון „וועקער".

הכנסה: פון אריינגאַנגס-בילעטען 880, וועשעלקע 73, פליגענע פּאָסט 27, בופעט 1120, 75

ס"ה 2100 ר. 75 ק.

הוצאות: בופעט 684, מעלדונגען א. א. 186 — ס"ה 870

ריינע הכנסה 1230 ר. 75 ק.

מיר דאַנקען די ח"ח: גאָלדבערג, פּאַוולאָווסקי, פרידמאַן, לאַרמאַנלאָס, באַסקינד, ראָזענטאַל און ביילין, וואָס האָבען אנטייל גענומען אין קאָנצערט-מיטינג.

אויסער דעם געזאַמעלט פון די ח"ח:

אליהו ראָזענבליום, ביינעס דראַזניק צו 20 רוב. יעקב זלאַטאָוויצקין, מלך שפּילמאַן צו 10 ר. מאָטע סאָלאָוויוניק, יצחק גורעוויטש, ראובן גאַלינקער, משה האַנטוואָרג, גרשון באַראַנסקי צו 5 רוב. בנימין פּלאַטקין, משה ליבענכאַן צו 1 ר.

ס"ה 87 רוב.

פון באָריסאָגלעבסק, טאַמבאָווער גוב.

צונויפגעזאַמעלט געוואָרען דורך דעם חבר אשר-ראובן קאַגאַן אויף דער פייערליכער עפענונג, נאָך דעם אוועקגאַנג פון די קאָזאַקען, פון דעם אידישען ארבייטער-קלוב פון באָריסאָגלעבסק און אוועקגעגעבען דעם 1 מארס 1919:

קאַגאַן 100 ר. י. האָפמאַן 40 ר. רובאַנענקאַ, בעלסער, י. דאָרפמאַן צו 20 ר. עפּעלבוים, פלעקסער, ג. ווייסמעל צו 10 ר. ז. מאָזע 7 ר. 75 קאָפּ. ש. רו[illegible] באַנענקאַ, א. שאַרפּאַנאָוויטש, ב. אַרש, א. ווײנשטיין, ב. יודין צו 5 ר. נ. ווײנשטיין 6 ר. ג. פּעלסקאַיאַ, ב. ראַבינאָוויטש, פעפּערקין, מ. סמאָטקין צו 3 ר. ש. סמאָטקין 50 ק. 1 ר. ב. רעזשען 10 ר.

ס"ה [illegible] ר. [illegible] ק.

פון נעוועל, ווישעבסקער גוב.

געזאַמעלט דורך די ח"ח דאָרפמאַן און פילאַנאָווסקי:

י. פילאַנאָווסקי, ש. ב. ליבערינסקי, ד' באַגראַטשאָוו, ש. מוהאַמאָוו, פּ. עפּשטיין, ז. כהן, ז. גוראָוויץ, ז. באַגראַטשאָוו, ש. באַגראַטשאָוו, פּ. פייקין צו 20 רובל, ל. דאָרפמאַן, י. לאַזאָווסקי, ג. פּאָליאַקאָוו, ש. אַרוואַן, א. קובלאַנאָוו, י. וויגדערהויז, א. רעזשין, ה. וויטקין, א. אַסקאַטסקי, י. שטיינוויים, י. אוסוויאַצאָוו, י. כהן, מ. מאַנאַסאָוו, מ. וויטקינאַ, ר. שאַרבין, ד"ר אַבראַמאָוו, מ. פּורושענסקי, צ. קרעסלאַווסקי צו 10 ר. קאַזאַרנאָווסקי 14 ר. א. ל. האַנין, מאַגראַטשאָוו, ז. צאַרקין, ל. פילאַנאָווסקאַיאַ, משה צו 5 ר.

ס"ה 419 רובל.

פון א בונדאָוועץ דורכ'ן ח' קאַמינסקי מינסק 60 רובל.

רעדאַקטאָר-ארויסגעבער

פרומקינאַ-ווייכמאַן (אסתר)

מיר בעטען אלע וואָס האָבען ביי זיך

פרישע וואַרשעווער און דייטשע צייטונגען

ברענגען זיי פאַר גוטע באַלוינונג אין רעדאַקציע „וועקער", זאַכאַרעווער נומ. 54

פרייז 60 קאפ.
פראלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניגט זיך!

דער וועקער

צענטראל-ארגאן פון „בונד" אין ראטען-רוסלאנד.
די רעדאקציע איז [illegible] וואקזאלנע 54 [illegible] אריינגאנג אין הויף. [illegible] די קאנטאר איז אפען טעגליך חוץ שבת פון 10 ביז 4 א זייגער
אדרעס פאר קארעספאנדענצען: Минскъ, редакція (контора) „Дер Векер"
ערשיינט טעגליך.
[illegible]
507 Минскъ, 21 Марта [illegible] 21 מאר"ט [illegible]

נייס אין דער אידישער ליטעראטור
ס'איז ערשינען א נייע ווערק
וועגען קאאפעראציע אין קאאפעראטיווען
וואס איז אזוינס א קאנסום-געזעלשאפט?
פון י. אייזענשטאט (ווידין)
ארויסגעגעבען פון מינסקער ארבייטער-קאאפ.
„איינינקייט"
פרייז 50 קאפ.

די פארוואלטונג פון ארב. קאאפעראטיוו
„איינינקייט"
איז אריין אין אנ'אבמאך און האט איינגעשטעלט א ספעציעלען ביליגען
פרייז מיט'ן צאן-דאקטאר
וואלקאמיטש
פרעאבראושענסקע 38
פאר די מיטגלידער פון קאאפ. ערבייטער וואס קומען צו איהם היילען די ציינער, פלאמבירען, אד. מאכען נייע ציינער.

מודעה.

עס ווערט אנגענומען דער אבאנעמענט אויף די פאלגענדע פעריאדישע אויסגאבעס פונ'ם אידישען פארלאג ביים פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג אין ליטע און רייסן,

1) חדש'דיקער זשו. „די נייע וועלט"
פאר א יאר—48 רובל. 6 חדשים—26 ר. 3 חדשים 12 ר.
אין איינצעל-פארקויף 5 ר. א נומער.

2) צוויוואכעדיגער זשורנאל „פאלקס-בילדונג"
פאר 3 חדשים—6 רוב. אין איינצעלפארקויף 1 ר. א נומער.

3) צוויי-וואכיגער קינדער-זשורנאל „גרינינקע ביימעלאך"
פאר 3 חדשים—3 רוב. אין איינצעלפארקויף 1 רובל 50 קאפ. א נומער.

אדרעס: ווילנע, ברייטע גאס 54 פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג, „אידישער פארלאג".

ארבייטער-קאאפעראטיוו „איינינקייט"

אויף אויסצומיידען די שפארענעס אין די קראמען, וועט פארקויפט ווערען פראדוקטען לויט דער פאלגענדער טאבעלע.

	די ביכלאך פון נומ.	ביז נומ.
זונטאג	1	800
מאנטאג	801	1600
דינסטאג	1601	2400
מיטוואך	2401	3200
דאנערשטאג	3281	4100

פרייטאג די וועלכע האבען גוליע וויכטיגע אורזאכען ניט געקענט קומען אין די אנגעצייכנטע טעג.

די קאנטאר פון „איינינקייט"

האט זיך איבערגעקליבען אויף יוריעווסקע נומער 6 (אנטקעגען די באנע ביורא). אריינגאנג פון הויף אפען פון 10 פריה ביז 5 אוונד. מעלדונגען ווערען אנגענומען פון 10 ביז 8.

[illegible]

— [illegible] —

די פאראייניגטע אידישע [illegible] קאמינעס טעאטער
[illegible]
שלומ'קע שארלאטאן
שבת דעם [illegible] מארץ [illegible]
[illegible]
דער דארפס-יונג
די משפחה
[illegible]
„די יתומה"
[illegible]

די [illegible] פון דער
קאאפעראטיווער סעקציע
[illegible]

קאמוניסטישער יוגנד-פארבאנד
[illegible]

די אלגעמיינע קאנפערענץ פון „בונד" אין ראטען-רוסלאנד

צוליב [illegible] יונגען פאליטישע [illegible] מיר [illegible] פינען פאר [illegible] פון די זיצונגען. [illegible] די פראגע איז באהאנדעלט געווארען. פריהער איז, אז די צווייטע זיצונג, וואס עס זענען אין [illegible] געווארען די באריכטען פון די ערטער, איז אפגעלעגט געווארען. איצט [illegible] מיר אויך דעם באריכט פון דער זיצונג.

(2-טע זיצונג).

באריכטען פון די ערטער.

ח. פופס (פארזיצעהער פון געגענד-קאמיטעט פון ליטע)

— די מלחמה האט חרוב געמאכט דעם אידישען פראלעטאריאט פון ליטע. גרויסע מאסען זענען אויסגעוואנדערט, [illegible] זענען אומגעקומען אויף דער [illegible]. מיר זענען געבליבען א קליין הייפעלע. דאך האט דער „בונד" געפירט זיין ארבייט מיט דער גאנצער פאליטישער און פראפעסיאנעלער באוועגונג. פאר דער צייט פון דער אקופאציע האט אנגעפירט דער „בונד" [illegible] אנדערע פארטייען זענען ניט געווען. די קולטור-ארבייט האבען מיר געפירט אונטער דער פירמע פון „אידישען ארבייטער קינסט-פאראיין". מיר האבען ארגאניזירט אן ארבייטער קאאפעראטיוו.

אין סעפטעמבער 1918 האבען מיר צונויפגערופען א קאנפערענץ פון „בונד" פון ליטע.

אין דער צייט פון דער אקופאציע האבען מיר אויך באוויזען דורכצופירען די וואלען אין די קהלות.

אונזער געגענד-קאמיטעט גיט ארויס אנ'אייגענעם טעגליכען ארגאן „אונזער שטימע".

ח' ליטוואק (אוקראינע). איך בין געקומען אין אוקראינע, זאגט דער רעדנער, דעם 19 נאיאבר [illegible]. נאך א מלוכה-איבערקערעניש [illegible] צו דער צייט פארגעקומען א פארטיי-בעראטונג. אין דער רעוואלוציע, וואס איז דארט אנגעזעצט געווארען [illegible] די מאכט [illegible] ראטען מאכט [illegible] מיר אין דעם [illegible] קיין רייבונגען אויפ'ן באדען פון פאליטיק.

דער רעדנער דערמאנט [illegible], וואס [illegible] האט געשריבען פון [illegible]. דער ח' ראפעס איז געווארען לינקער.

עס האבען זיך א געטריבען די ארויסרעכענונגען פון די פעטליוראוויצעס. אזוי ווי די באוועגונג האט זיך געשטיצט נאר אויפ'ן פויער, האט מען זיך באציגען מיט [illegible] צו די ארבייטער. מען האט אנגעהויבען איינפירען באלאגערונגס-צושטאנד. מען האט [illegible] די ארבייטער מאסע. די שטימונגען ביי די ארבייטער איז געווארען א קאמוניסטישע.

עס האבען זיך געהאט געפירט אונטערהאנדלונגען [illegible] אריינגעהן אין פעטליורעס רעגירונג. דער ח' חפץ איז געווען געגען, דער ח' ראפעס פאר. באשלאסען איז געווארען ניט אריינגעהן.

דער ח' ראפעס האט געוואלט גרינדען א פארטיי פון סאציאלער א בערקערעניש. צו יענע עס האבען געטראפען צוזאמען די לינקע מענשעוויקעס, דער לינקער „בונד", נאר עס האט זיך גארניט אויסגעלאזט. עס האבען זיך אנגעהויבען אונטערהאנדלונגען מיט די קאמוניסטען און עס האט זיך שוין אנגעמערקט די צעשפאלטונג. ח' חפץ און ארויס פון „בונד", דערנאך זענען ארויס די ח"ח פרעגיעל, זשוק און אנדערע. עס האט זיך אנגעהויבען א לויפעריי צו די קאמוניסטען. ענדליך האט די קיעווער ארגאניזאציע מיט 125 געגען 79 שטימען ביי 26 אפגעהאלטענע באשלאסען צו ערקלערען זיך אלס ארגאניזאציע פון קאמוניסטישען בונד.

ח' ראפעס. דער רעדנער שטעלט זיך אפ אויף די אביעקטיווע באדינגונגען, וואס האבען געטריבען צו א צעשפאלטונג.

אין אוקראינע איז ניטא קיין פארטיי, וואס זאל ניט זיין פאר ראטען-מאכט. דאס ערקלערט זיך מיט דעם, וואס אוקראינע איז געקומען צו דער ראטען-מאכט אנ'ם פראצעס פון דער רעוואלוציע. אוקראינע האט איבערגעלעבט די ערשטע רעוואלוציאנער-דעמאקראטישע רעגירונג, וועלכע האט פארקויפט דאס לאנד די דייטשען און געבראכט צו דער העטמאנשינע. שפעטער די דירעקטאריע, וואס האט זיך פארקויפט דער אנטאנטע. דאס אלץ האט אונז בעוויזען אינגאנצען איבערצוקוקען אונזער פריהערדיגע פאליטיק. אין צושטעלען זיך מיט ביידע פ ס אויפ'ן שטאנדפונקט פון דער ראטען-מאכט.

ביי אונז האט זיך געצייגט שטעלען די פראגע פון דער צעשפאלטונג. דאס איז דערפאר, ווייל מיר האבען געזוכט זעהען ניט דאס, וואס אונז טיילט אפ פון די קאמוניסטען, נאר דאס, וואס אונז פאראייניגט. מיר האבען [illegible] רען דעם קאמף [illegible] פון קאמוניזם אין לאגער פון די קאמוניסטען גופא. מען קען אונז ניט אריינלאזען אין דער קאמוניסטישער פארטיי, אבער דאן וועלען יענע טראגען פאר דעם די פאראנטווארטליכקייט.

ביי איך איז דא א צענטער, וואס גלייבט אין דער סאציאלער רעוואלוציע. ביי אונז איז אבער ניט געווען און מיר האבען זיך געמוזט שפאלטען.

יאנקל לעווין (ווייסרוסלאנד)

ביי אונז זענען ניט פארגעקומען אזעלכע רייבונגען ווי אין ליטע און אוקראינע.

בעת די דייטשע אקופאציע איז אונזער [illegible] ארבייט באשטאנען אין אויסהאלטען דעם „וועקער". די ארבייט איז געווען זעהר א שווערע, ווייל מיר זיינען געווען אפגעריסען פון געגענד.

בעת עס איז אויסגעבראכען די דייטשע רעוואלוציע האבען מיר געשטרעבט זיך צו פאראייניגען אויף דער מיינונג, אז מען דארף שטיצען די באלשעוויסטישע מאכט.

דער רעדנער ווייזט צום סוף אן אויף דער גרויסער ארבייט, וואס דער געגענד-קאמיטעט האט איבערגעפירט אין פארבינדונג מיט דער קאנפערענץ.

מ. שערמאן (לעטלאנד)

פון 1917 יאר זענען מיר געווען א פעדעראטיווער טייל פון „בונד". די מלחמה האט אינגאנצען רואינירט דעם פראלעטאריאט. [illegible] איז [illegible] געווארען, זענען אלע פאראיינען [illegible] געווארען. די לעטישע ס. ד. אונטערן נאמען „ספארטאקוס" האט געפירט א פארטיזאנישען קריג מיט די דייטשען.

נאך דער דייטשער רעוואלוציע איז ביי אונז געשטאנען די פראגע וועגען דער מאכט. מיר האבען פארגעלעגט, אז עס זאל זיך בילדען א פאלקס-ראט און אין איהם זאלען אריין אלע פארטייען, אויסער די רעכטע. די באלשעוויקעס האבען זיך אנטזאגט אריינצוגעהן. עס האט זיך געשטעלט די פראגע, צי לאטוויע זאל געשאפען ווערען א נייטראלע, צי א אומאפהענגיגע. עס איז באשלאסען געווארען צו שאפען א אומאפהענגיגע לאטוויע און דערנאך פאראייניגען זיך מיט רוסלאנד.

שפעטער האבען זיך דערנעהנטערט די באלשעוויקעס, עס איז אנגעקומען דער ענגלישער פלאט. די לעטישע רעגירונג האט געזעהען, אז זי איז אהנמעכטיג. מיר האבען אנערקענט, אז ביי אזא מאמענט דארף מען שטיצען נאר די באלשעוויסטישע מאכט, מיר זענען ארויס פון פאלקס-ראט.

איצט איז די לאגע אזא: עס הערשט א שאוויניזם. מען ערלויבט ניט ריידען קיין אידיש. קיין נאציאנאלע פראגען ווערען ניט אנערקענט.

לעוויט (גרויס-רוסלאנד) גיט נאר אפ א באריכט וועגען דער ארגאניזאציאנס-לאגע. דער גרויס-רוסישער געגענד-קאמיטעט איז פארבונדען מיט 20 שטעט. אויפ'ן [illegible] טען איז געווען צונויפגערופען א קאנפערענץ פון געגענד, זי איז אבער ניט פארגעקומען.

א. ז. ליבערמאן גיט אפ א באריכט פון וואלגער געגענד.

די דעבאטען וועגען פארטיי'שען פראגראם *).

(4-טע זיצונג)

ח' ראפעס באקומט דאס ווארט צו דערגאנצען זיין באריכט.

— אין אוקראינע זענען ניטא די מיטעלע ריכטונגען, וואס מיר טרעפען דא אויף דער קאנפערענץ. די פארטייען זענען פונאנדערגעטיילט אויף צוויי עקסטרעמען: קאמוניסטען (גאנצע, האלבע, [illegible], פערטעלדיגע) און אויסגעשפראכענע ס. ד.

דער רעדנער דערמאנט דעם קאמף, וואס האט זיך געפירט אין דער דייטשער ס. ד. אין צוזאמענהאנג מיט דער דיסקוסיע וועגען דעם אימפעריאליזם. וואו עס זענען געווען 3 ריכטונגען: רעכטע (בערנשטיין), צענטער (קויטסקי), לינקע (ראזא לוקסעמבורג). די רוסישע ס. ד. האט זיך אויך דאן אזוי צעטיילט. לענין האט זיך אריענטירט אויף די לינקע. זייער [illegible] האט זיך ארויסגעוויזען אלס ריכטיג. זינט דעם האבען מיר געמאכט די פאליטישע אויספירונגען.

דער ח' סעמקאווסקי האט דערמאנט די פאזיציע פון דער ר. ס. ד. א. פ. זייער ערשטער אויפרוף איז ווירקליך געווען א רעוואלוציאנערער, זייער ווייטערדיגע פאליטיק איז שוין אבער א פאליטיק פון אונצוטריי צו דער אלוועלטליכער רעוואלוציע.

ביי אונז האבען מיר זיך צעשפאלטען, ווייל עס קענען ניט געהן צוזאמען גלויביגע און אונגלויביגע. דא זענען אויך פאראן דיזעלבע פלאנגען: איינע, וואס אריענטירען זיך אויף דער סאציאלער רעוואלוציע און זוכען מיטלען, ווי איהר גיכער צו פארווירקליכען, די צווייטע, וואס שרייען: איהר וועט האבען א מפלה.

די לאגע פון רוסלאנד איז א קאטאסטראפאלע. איך וואלט אבער געוואלט זעהען דעם קלוגען פאליטיקער-עקאנאמיסט, וועלכער וואלט געקענט אנווייזען רוסלאנד א געזונטע עקאנאמישע פאליטיק.

דער רעדנער האלט עס פאר לעכערליך צו פאדערן אנ'איינהייטליכען סאציאליסטישען פראנט. מען קען נאר אנווייזען אויף איין וועג,—דעם וועג פון דער גרינדונגס-פארזאמלונג. אפגעבען די מאכט די פויערים און זייער פארטיי, די ס. ר. אבער די לעצטע זענען ניט פעהיג צו פירען די מלוכה. זיי וועלען איבערגעבען די מאכט אנדערע, דער אנטאנטע.

די דיקטאטור פון פראלעטאריאט און פון פויערטום איז ניט מעגליך, אין דער צייט פון א אלוועלטליכער סאציאלער רעוואלוציע מוז זיין די דיקטאטור פון פראלעטאריאט. ס'איז גאנץ מעגליך, אז מיר געהען צום חורבן, אבער דאס קען ניט ענדערן אונזער טאקטיק.

ה. שערמאן (ריגע) ברייננט פאקטען פון לאטוויע, וואו פריהער איז די ארבייטערשאפט געווען פאר דער ראטען-מאכט און וואו עס הערשט איצט אפאטיע, אפגעלאזענקייט. דער רעדנער מיינט, אז די איצטיגע צענטראליסטישע ארדנונג קען נאר אויפגעבויט ווערען, ווען אין דער סאציאליסטישער איבערבויאונג וועלען אנטייל נעמען די ברייטסטע מאסען, און צו דעם מוזען מיר האבען דעמאקראטישע פארמען.

זשעלעזניאקאוו (קיעוו). די חברים פון רעכטס און פון לינקס פרעגען אונז: זאגט יע, אדער ניין. דאס קען אבער ניט זיין. אויב דער ארבייטער-קלאס וועט זיין געגען דער איצטיגער מאכט, וועלען מיר זיין מיט איהם. ווער עס איז אביעקטיוו קאנטר-רעוואלוציאנער, דאס וועט משפט'ן די געשיכטע.

נאוויקאוו (ווילנע). דער רעדנער דערציעהלט, אז דער גרעסטער טייל פון די ווילנער ארבייטער שטעהט אויפ'ן באדען פון די לינקע. דאס זעלבע איז אויך אין מינסק און אין אנדערע צענטערן פון די אידישע ארבייטער.

מיט'ן רעדנער געשעהט אנ'אינצידענט, בעת ער זאגט, אז ליבער איז געגאנגען צוזאמען מיט קאלטשאק און קראסנאוו. פון פרעזידיום באמערקט מען דעם רעדנער, אז אין אזא פארם אויסדריקען זיך וועגען ליבערן קען מען ניט און מען פאדערט פון ח. נאוויקאוו, ער זאל צוריקנעמען זיינע ווערטער. דער רעדנער ענטזאגט זיך, און דער פארזיצער נעמט ביי איהם אפ דאס ווארט.

עסקין (קיעוו) געפינט, אז אין ח' ווייגשטיינס פאזיציע איז פאראן א ווידערשפרוך. די איצטיגע דיקטאטור איז א מיליטערישע, ניט קיין קלאסען-דיקטאטור, וועלכע וואלט געווען גוט, ווייל יעדע א בערקערעניש איז בעגאנגען דורך דיקטאטור. אויב מען וויל זיך שטיצען אויפ'ן פויערים קאן דאך קיין רייד ניט זיין וועגען דיקטאטור, נאר וועגען א רעוואלוציאנערע דעמאקראטישע פאליטיק. דער רעדנער טרעט ארויס געגען דער מיינונג פון דער חבר'טע אסתר, אז מען דארף נעמען די פאראנטווארטליכקייט פאר דער פאליטיק פון דער ראטען-מאכט.

בראון. דער רעדנער מיינט, אז אויף דער קאנפערענץ וואלט מען געדארפט רעדען וועגען א באשטימטער פאליטיק, אויף וועלכער אלע טיילען פון „בונד" זאלען קאנען צוזאמען ארבייטען.

וועגען דער עצם פראגע זאגט דער רעדנער, אז די רעוואלוציע איז געוויס א סאציאלע. ער צווייפעלט אבער, צי די פארמען, וואס די רוסישע רעוואלוציע האט אנגענומען, שטעלען אונז נעהנטער צו דער פארווירקליכונג פון דער סאציאליסטישער ארדנונג.

די הערשאפט פון די ראטען איז סוף כל סוף דעמאקראטיע, דיקטאטור איז אבער שטענדיג די דיקטאטור פון א פארטיי. מיר זיינען פאר דעמאקראטיע, ווייל נאר דעמאלט קאן מען בויען, דורך דיקטאטור קען מען נאר צושטערען.

צום סוף לעגט דער רעדנער פאר צו שאפען א געמיינזאמע פראגראם פאר דער פארטיי און ניט פארנעהמען זיך מיט פראגנאזען.

אסתר (מינסק) ווייזט אויס, אז זינט דער מאסקווער קאנפערענץ זענען מיר געגאנגען אויף צוריק. אין מאסקווע האבען מיר מיט'ן אויסנאם פון א קליינער מינדערהייט זיך אריענטירט אויף דער סאציאלער רעוואלוציע. די רעכטע האבען דאן אפילו ניט געהאט דעם מוט ארויסצוטרעטען געגען זייער א רעוואלוציע. שולדיג אין דעם זענען די דעזערטירען און איהר אויך, חבר ראפעס.

צום טויט פון חבר סווערדלאוו.

דער פרעזידיום פון דער אלרוסלענדער קאנפערענץ פון בונד האט לויט'ן באשלוס פון דער קאנפערענץ געשיקט א טעלעגראם דעם אלרוסלענדער צ. א. ק.

אין דער טעלעגראם זאגט זיך:

די אלרוסלענדער קאנפערענץ פון בונד, וואס שטעלט פאר די אידישע ארבייטער פון ווייסרוסלאנד, ליטע, אוקראינע און גרויסרוסלאנד, טרויערט טיף איבער'ן טויט פונ'ם פארזיצער פון צענטראלען אויספיהרונגס קאמיטעט, דעם חבר סווערדלאוו.

פרעזידיום פון דער קאנפערענץ.

די רעכטע האלטען אין איין רעדען וועגען דעמאקראטיע. די ארבייטער האבען שוין איבערגעלעבט די אמת'ע דעמאקראטיע. די אמת'ע דעמאקראטיע האט זיי געשיקט אויפ'ן שלאכטפעלד. ספעציעל די אידישע ארבייטער האבען איבערגעלעבט די דעמאקראטישע אידישע קהלה, וועלכע האט בשום חיזוק געמאכט פון די אידישע [illegible]. מיר טארען ניט אפגעבען די מאכט אין די הענד פון דער בורזשואזיע. אין דעם זין זאגען מיר זיך אפ פון דער לאזונג פון דעמאקראטיע.

ג) די שטאטישע און דארפישע ראטען זאלען זיין זעלבשטענדיג אין די גרענעצען פון זייער קאמפעטענץ, די ראטען צו זיי זאלען זיין פרייע.

ד) אלע ארגאנען פון מאכט זאלען אונטערגעווארפען ווערען דעם קאנטראל פון די ראטען.

ה) עס זאל אפגעשאפט ווערען די פאליטיק פון טעראר. עס זאל אפגעשאפט ווערען טויט-שטראף.

13) בנוגע צו דער ראטען מאכט שטעלט די קאנפערענץ אויס די פאלגענדע טאק-טיק:

א) אלע אונזערע ארגאניזאציעס דארפען זיך אקטיוו באטייליגען אין דער ארבייט פון פארווירקליכען די ספעציפישע סאציא-ליסטישע אויפגאבען, וואס שטעהען פאר'ן רוסלענדער און אלוועלטליכען פראלעטא-ריאט, נעמען אנ'אנטייל מיט דער גאנצער ענערגיע און אויפריכטיגקייט אין אלע צווייגען פון טעטיגקייט פון מלוכה'שע געזעלשאפטליכע און ארבייטער-ארגאניזאציעס, דאס פארנעמען זעלבסטשטענדיגע פאסטען דארף געשעהן מיט דעם הסכם און מיט'ן קאנטראל פון די ענטשפרעכענדע פארטיי-ארגאניזאציעס.

ב) דער "בונד" שטיצט מיט אלע זיינע קרעפטען די איצטיגע מאכט אין אלע אירע טריט, וועלכע זענען ווירקליך געווענדעט איינצוהאלטען אין לאנד די סאציאליסטישע ארדנונג, צו פארשטארקען די באוועגונג צו דער סאציאלער רעוואלוציע אין אלע לענ-דער.

ג) אנ'ענערגישען אנטייל נעמט דער "בונד" אין דעם קאמף געגען דער אינווע-ניגסטער און אויסערליכער קאנטר-רעוואלוציע און רופט דעריבער זיינע מיטגלידער און די אידישע ארבייטער זיי זאלען צוליב דעם צוועק גהען אין דער רויטער ארמיי און מיט אלע קרעפטען שטיצען די רויטע ארמיי.

ד) דער "בונד" קעמפט פאר דעם, אז די ארבייטער-ארגאניזאציעס און [illegible] איינריכטונגען, וואס האבען אשייכות צום ארבייטער-לעבען, זאלען זיין געבויט אויפ'ן פרינציפ פון זעלבסטטעטיגקייט, זאלען זיי געפינען אינטער דעם קאנטראל פון די ברייטע ארבייטער מאסען.

ה) דער "בונד" דרינגט ארויס אומעטום זעלבסטשטענדיג און זאגט זיך אלס א אפאזיציאנעלע פארטיי ניט אפ פון אלזייטיגער קריטיק פון דער איצטיגער מאכט.

14. קאנסטאטירענדיג, אז א געוויסער טייל פון די אנפיהרענדע קרייזען אין דער רעגירונגס-פארטיי, פארשטעהענדיג די פעהלערן פון דער באלשעוויסטישער פאליטיק אין פיל געביטען פון עקאנאמישען און פאליטישען לעבען פון לאנד, ווערט אלץ מעהר דורכגעדרונגען מיט'ן באוואוסט-זיין, אז ס'איז נויטיג א ווענדונג אין דער פאליטיק פון דער מאכט אין דער ריכטונג פון פארברייטערען איהר סאציאלען יסוד, פון באדייטענד בייטען איהר עקאנאמישע פאליטיק און באשאפען באדינגונגען פאר א גרעסערע זעלבסטטעטיגקייט פון די ארבייטענדע מאסען, און געפינענדיג, אז די ווענדונג איז נאך ניט אזוי בולט און האט נאך ניט אזא ווירקונג אויף דער גאנצער פאליטיק אין לאנד, אז דער "בונד" זאל שוין קענען נעמען אויף זיך די פאראנט-וואָרטליכקייט פאר די אויסערליכע און אינערליכע פאליטיק פון דער איצטיגער מאכט אין גאנצען, געפינט די באראטונג, אז דער מאמענט פון נעמען די פולקאָמע פאראנטוואָרטליכקייט פאר דער פא-ליטיק פון דער מאכט אינגאנצען, וועט קומען דאן, ווען ס'וועט זיך איינשטעלען אנ'אמת'ע מאכט פון אלע ארבייטענדע, געגרינדעט אויף זייער זעלבסטטעטיגקייט, ווען ס'וועט זיך באשאפען א מעגליכקייט פאר א איינהייטליכען סאציאליסטישען פראנט, ווען ס'וועט געמאכט ווערען א סוף צו דעם בירגער-קריג אין דעם ארבייטער-קלאס.

רעדאקטאר-ארויסגעבער

פרומקינא-וייכמאן (אסתר)

פרייז 60 קאפ.
פראלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניגט זיך!

דער וועקער

צענטראל-ארגאן פון „בונד“ אין ראטען-רוסלאנד.

די רעדאקציע און קאנטאר געפינען זיך: זאכאריעווסקע נומ. 54, זאקרזעווסקי'ס הויז, ארײנגאנג אין הויף. די קאנטאר איז אפן טעגליך חוץ שבת פון 10 ביז 4 א זייגער

אדרעס פאר קארעספאנדענצן: Минскъ, редакція (конторъ) „Деръ Векеръ“

— ערשיינט טעגליך. —

[illegible]

509 Минскъ, 24 Марта 1919 מאנטאג, 24 מארט

נייס אין דער אידישער ליטעראטור
ס'איז ערשינען א נייע ווערק
וועגן קאאפעראציע און קאאפעראטיוועך
וואס איז אזוינס
א קאנסום-געזעלשאפט?
פון י. אייזענשטאט (ווירן)
ארויסגעגעבן פון מינסקער ארבייטער-קאאפ.
„איינקייט“.
פרייז 50 קאפ.

די פארוואלטונג פון ארב. קאאפעראטיוו
„איינהייט“
אין ארויס אין אנ'אבמאך אין האט איינגעשטעלט א ספעציעלן [illegible]
פייז [illegible] צאהנדאקטאר
וואלקאמיטש
[illegible]
זאר די מיטגלידער פון קאאפעראטיוו [illegible] קומען צו אידם היילען די ציינער [illegible] אמבירען, אז [illegible] מאכען נייע ציינער

מאנטאג, 24 מארץ, 6 א זייגער וועט אין וואקזאל פון ראט פון די פראפ. פאראיינען (ארבייטס-[illegible] נומ. 3) פארקומען

א שטאט'שע קאנפערענץ

אויף וועלכער עס ווערען איינגעלאדן אלע מיטגלידער פון די פארוואלטונגען פון די פראפ. פאראיינען און פאבריק-קאמיטעטן פון שטאט.

טאג-ארדנונג: 1) די רעארגאניזאציע פון די פאראיינען לויט'ן פראדוקציאנס-סיסטעם. 2) די קולטורעלע און אויפקלערונגס ארבייט פון די פראפ. פאראיינען.

דער פרעזידיום פון ראט פון די פראפ. פאראיינען.

דער פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג רופט צוזאמען אין ווילנע פרייטאג, 25 אפריל

א צוזאמענפאר פון פאלקס-בילדונג-טוער

פון ליטע און ווייסרוסלאנד.

ס'איז אנגעמערקט פאלגענדע פראגראם פון צוזאמענפאר: 1) באריכט פון [illegible] 2) באריכטן פון די ערטער, 3) די אויפגאבן פון פאלקס-בילדונג אין ליטע און ווייסרוסלאנד. 4) די ארגאניזאציע פון פאלקס-בילדונג. 5) לויפנדע ענינים. א גענויע פראגראם [illegible] אלע אנווייזונגען, וואס [illegible] צום צוזאמענפאר, וועט ווערן פובליקירט [illegible] צייט. די ביורא צום צונויפרופן דעם צוזאמענפאר לייגט פאר אלע ראיאנע אויפזעער [illegible] אפטיילונגען פאר פאלקס-בילדונג תיכף צוטרעטן [illegible] צוזאמענשטעלן באריכטן וועגן פאלקס-בילדונג, צוגרייטן געהעריגע רעפעראטן, [illegible] וועגן פארבאראטונגען, וועגן וועלכע מען דארף באצייטענס מעלדן אין ביורא [illegible] ווילנע, פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג, ברייטע גאס 54 ביורא צום [illegible] דעם צוזאמענפאר.

מיטגלידער פון ביורא [illegible]
סעקרעטאר [illegible]

ס'ווערט אנגענומען דאס אבאנעמענט אויפ'ן „וועקער“ פונ'ם 1-טען אפריל
אין מינסק 10 רובל אחודש אין אנדערע שטעט 12 ר.
מיר בעטן אלע ארגאניזאציעס און די חברים-לעזער אומבאדינגט
ארײנצושיקן דאס אבאנעמענט-פרייז אויף די ציפערן
ביז'ן 1 אפריל, כדי עס זאל ניט פארקומען קיין אפהאלט אין ארויסשיקן די צייטונג.
די קאנטאר.

די פארוואלטונג פון ארבייטער קאאפעראטיוו „דער האמער“ צוזאמען מיט דעם קאמיטעט פון די אנגעשטעלטע דריקן אויס זייער טיפסטן מיטגעפיל
דער מיטארבייטערין
ח' חיה שאפירה
צום טויט פון איר מוטער.

דער מינסקער קאמיטעט פון דער איד. סאצ. דעמ. ארב. פארטיי „פועלי-ציון“ צוזאמען מיט דער פארוואלטונג פון אידישן פאלקס אוניווערסיטעט אויף ב. באראכאוו'ס נאמען, דריקן אויס זייער טיפסטן מיטגעפיל
ח' חיה שאפירה
צום טויט פון איר מוטער
דער קאמיטעט.

דער מינסקער קאמיטעט פון דער איד. סאצ. דעמ. ארבייטער-פארטיי „פועלי-ציון“ צוזאמען מיט דער פארוואלטונג פון אידישן פאלקס-אוניווערסיטעט אויף באראכאוו'ס נאמען דריקן אויס זייער מיטגעפיל דער
ח' פאשע טורעצקי
צום טויט פון איר פאטער

די פארוואלטונג פון אידישן סאצ. פארבאנד ארבייטער-יוגענד דריקט אויס איר טיפסטן מיטגעפיל די ח.ח.
פאשע און משה טורעצקי
צום טויט פון זייער פאטער.

די פאראייניגטע אידישע טרופע אין
קאמערנעם טעאטער
מאנטאג 24 מארץ [illegible] אנ'אלגעמיין-צוגענגליכע פארשטעלונג. אלע בילעטן צו 1 רובל [illegible] בילעטן ווערן ארויסגעגעבן אין קאסע לויט די שלאגנן פון צ. ב. פון די פראפ. פאראיינען.
עס ווערט געשפילט די באוו. פיעסע פון ה. ד. נאמבערג
די משפחה.
[illegible] זשאן און מארלענא [illegible]
[illegible] פון דער ארטיסטין ע. שטרייטמאן.
[illegible] עס ווערט געשפילט צום 1-טן מאל אין מינסק [illegible]
[illegible] פון שלום-עליכם
צוזייט און צושפרייט
[illegible] צווישן אנדערע נומ. [illegible] די בענעפיציאנטין
[illegible] דעם באוו. [illegible] פון שלום עליכם די קאץ.
בילעטן פארקויפן זיך.
אנפאנג 8 א זייגער [illegible] צייט.
אדמיניסטראטאר [illegible]

די אלגעמיינע קאנפערענץ פון „בונד“

רעזאלוציע [illegible] דער איבערבויען דעם אינטערנאציאנאל.

אנגענומען אויף דער אלרוסלענדער קאנפערענץ פון בונד דעם 22 טען מארץ.

דער ענטשלאסענער קאמף צווישן ארבייט און קאפיטאל, וואס וויקלט זיך איצט פאנאנדער אויף דער גאנצער וועלט, שטעלט פאר'ן ארבייטער-קלאס די ברענענדע אויפגאבע פון פאראייניגן זיינע רייהען אין איין איינהייטליכע קלאסענקראפט און ווייטער אויפבויען דעם אינטערנאציאנאל, וועלכע איז צעפאלען געווארען צוליב דער נאציאנאליסטישער פאזיציע, וואס זיינע איינצעלנע טיילן האבן פארנומען אין קריג.

2. דער 3-טער אינטערנאציאנאל דארף זיין אנ'ארגאניזאציע פון רעוואלוציאנערער כוואט, וואס זאל זיך שטעלן בראש פון אלוועלטליכן קאמף פון פראלעטאריאט פאר דער סאציאלער רעוואלוציע, פאר דעם ענדגילטיגן נצחון איבער דעם קאפיטאל, בראש פון זיין ארבייט פאר פארווירקליכן דעם סאציאליזם.

3. דער ערשטער טריט צו ווידעראויפבויען דעם אינטערנאציאנאל איז, אלע פארטייען פון ארבייטערקלאס זאלען זיך אומקעהרען צו די רעוואלוציאנערע קלאסענפרינציפען פון 2 אינטערנאציאנאל, דאס הייסט זיי זאלען זיך אפזאגן פון אלע פשרות מיט דער בורזשואזיע, פון באטייליגן זיך אין רעגירונגען צוזאמען מיט דער בורזשואזיע, פון פיהרען א באוואפנעטן קאמף געגען טיילן פון ארבייטער-קלאס. זיי זאלען זיך שטעלן אויפ'ן וועג פון אויסגעהאלטענעם קלאסענקאמף און קלאסענאיינהייט, זיי זאלען ארײנטרעטן אין דעם לאגער פון ענטשלאסענעם קאמף פאר פארווירקליכן דעם סאציאליזם און געגען דער אלוועלטליכער קאנטר-רעוואלוציע.

4. דער אינטערנאציאנאל קאן בשום אופן ניט געבויט ווערן אויף דער אידעע פון בירגערקריג אין די רייהען פון ארבייטערקלאס, פון שפאלטען די רייהען פון פראלעטאריאט.

5. נעמענדיג דאס אלץ אין באטראכט, קאן די קאנפערענץ פון בונד ניט צוגעבן דעם אויטאריטעט פון אינטערנאציאנאל דער בערנער פאראייניגונג, וואס האט ניט געשטעלט פאר די בורגפרידענפארטייען די קאטעגארישע ברירה — אדער ענטשלאסען שיידען זיך מיט דער טאקטיק פון קאאליציע און אויפהערן צו פיהרען א בלוטיגע מלחמה געגען טיילן פון ארבייטערקלאס, — אדער נישט ארײנגעהן אין דעם נייעם אינטערנאציאנאל; דער בערנער פאראייניגונג, וואס שליסט אין זיך ניט איין א גרויסן טייל פון רעוואלוציאנערן פליגעל פון אלוועלטליכן פראלעטאריאט. מיר קענען אבער אויך ניט צוגעבן דעם אויטאריטעט פון אינטערנאציאנאל דער מאסקווער פאראייניגונג, וועלכע פיהרט די פאליטיק פון שפאלטען די רייהען פון ארבייטער-קלאס.

6. די קאנפערענץ דריקט אבער אויס איהר איבערצייגונג, אז סיי דער ווייטערדיגער גאנג פון דער אלוועלטליכער רעוואלוציע, סיי דער ארגאניזירטער ווילן פון רוסלענדער ארבייטער-קלאס, סיי דער קאנטאקט פון די רוסלענדער קאמוניסטן מיט די אייראפעישע גרופען, וואס ווערט געשאפען דורך דער מאסקווער פאראייניגונג, וועט ווירקען אין זינען פון אויסגלייכען די ליניע פון די רוסלענדער קאמוניסטען און וועט אויף אזא אופן מאכען אוממעגליך די פארווירקלונג פון די לאזונגען פון בלוטיגען ברידער-קריג אין אלוועלטליכען פראלעטאריאט.

7. די קאנפערענץ קאנסטאטירט פון דער אנדער זייט, אז אויף דער בערנער באראטונג זיינען זיך צונויפגעקומען אויך טיילן פון דער אינטערנאציאנאלער רעוואלוציאנערער סאציאל-דעמאקראטיע, וואס האבען די גאנצע צייט פון מלחמה געקעמפט געגען מיליטאריזם און שאוויניזם אין די ארבייטער-רייהען, און אז אין דער בערנער פאראייניגונג זיינען אויף אזא אופן פאראן עלעמענטן, וואס קענען און דארפען צוזאמען מיט אלע מאסקווער פארטייען און גרופען פון פאראייניגונג בילדען דעם גרונד-קערן, וואס וועט ארויספירען דעם אינטערנאציאנאל אויף א ברייטן רעוואלוציאנערן וועג.

8. שטעהענדיג אויפ'ן שטאנדפונקט, אז די פאליטישע מאכט פון ארבייטער קלאס דארף זיין איינהייטליך כמעט אין יעדען לאנד, היטענדיג מיט דער גרעסטער ענערגיע דעם איינהייטליכען רעוואלוציאנערען פראנט אין רוסלאנד, האלט דער „בונד“ פאר דעם חוב פון דער רעוואלוציאנערער סאציאל-דעמאקראטיע צו קעמפען דערפאר, דער 3-טער אינטערנאציאנאל זאל אויפגעבויט ווערען אויף אלע איבערגעדאכטע יסודות און פאראייניגען אונטער זיין פאהן דעם גרעסטען טייל פון אלוועלטליכען פראלעטאריאט אין דירעקטען קאמף פאר דער סאציאלער רעוואלוציע.

9. דער „בונד“ דארף אין דעם זינען ארײנטרעטען אין קאנטאקט סיי מיט דער מאסקווער פאראייניגונג, אזוי אויך מיט דער בערנער, כדי באזונדערס ענג פארבינדען זיך מיט די טיילען פון דער רעוואלוציאנערער אינטערנאציאנאלער סאציאל-דעמאקראטיע, וואס שטעהען אויפ'ן באדען פון סאציאלער רעוואלוציע און אויסגעהאלטענעם קלאסען קאמף און שטרעבען צו באשאפען א ווירקליך איינהייטליכען סאציאליסטישען פראנט אויף דער גאנצער וועלט.

10. אין דעם זינען בעגריסט די קאנפערענץ די בערנער דעלעגאציע, וועלכע איז אין איהר מערהייט צוזאמענגעשטעלט פון פארטרעטער פון אזעלכע ריכטונגען, און לעגט פאר אונזערע ארגאניזאציעס מיטצוהעלפען, דער דאזיגער באזוך זאל ברענגען צו א מעכטיגער ארײנמישונג פון אלוועלטליכען פראלעטאריאט געגען דעם קאנטר-רעוואלוציאנערען אימפעריאליסטישען אנגריף אויף די לענדער פון דער רעוואלוציע, אז ער זאל האבען אלס רעזולטאט די מעגליכסטע דערנעהענטערונג צווישען אלע טיילען פון רעוואלוציאנערען פראלעטאריאט אינעווייניג אין רוסלאנד און צווישען דעם גאנצען רוסלענדער ארבייטער קלאס מיט די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט.

רעזאלוציע.

וועגן דער צושפאלטונג אין אוקראינע.

אנגענומען אויף דער אלרוסלענדער קאנפערענץ פון „בונד“.

אויסהערענדיג דעם באריכט פון אוקראינע און די ערקלערונג פונ'ם פארטרעטער פון דעם אפגעשפאלטענעם טייל פון אוקראינער בונד, פארורטיילט די קאנפערענץ אויפ'ן שארפסטען אופן די אויפפיהרונג פון יענע מיטגלידער פון בונד, וועלכע האבען, ניט דערווארטענדיג זיך אויף די באשלוסען פון דער אלרוסלענדער קאנפערענץ, געשפאלטען די רייהען פון בונד, אנגענומען א נייעם נאמען און ארײנגעטראטען אין אונטערהאנדלונגען וועגן פאראייניגען זיך מיט אנדערע פארטייען.

די קאנפערענץ דריקט אויס די איבערצייגונג אז אונזער פאליטישע פלאטפארמע, וועלכע איז איצט אנגענומען געווארען, ענטשפרעכט די שטימונגען און דעם ווילען פון דער גרעסטער מערהייט פון דעם רעוואלוציאנערען אידישען פראלעטאריאט בכלל און אין אוקראינע בפרט; אז אויף דער דאזיגער פלאטפארמע קאנען זיך פאראייניגען צו געמיינזאמער ארבייט אין קאמף אלע חברים, וואס שטעהען אויפ'ן שטאנדפונקט פון בונד, אלס זעלבסטשטענדיגער פארטיי פון אידישען ארבייטערקלאס, וואס אונטער איהר פאהן וועט ער אויפקומען זיין קאמף אין דער סאציאלער רעוואלוציע און ערפילען זיינע ספעציפישע אויפגאבען פון דער נאציאנאל-פאליטישער בויונג.

די קאנפערענץ רופט דעריבער אלע אונזערע ארגאניזאציעס אין אוקראינע, זיי זאלען ענגער צוזאמענשליסען זייערע רייהען ארום דער [illegible] פאהן פון אונזער פארטיי און זיך ווענדען צו אלע ארגאניזאציעס, גרופען און איינצעלנע חברים, וואס האבען צוליב דער אפגעריסנקייט פון איבעריגען בונד אפגעשפאלטען זיך פון דער פארטיי און זיינען אויך [illegible] אויף [illegible] קערען צוריק אין די רייהען פון בונד.

די קאנפערענץ [illegible] פאר [illegible] צו א [illegible] פון בונד אויף אוקראינע [illegible] לעז, און דער קאנפערענץ [illegible] ארגאניזאציעס.

אונזערע ארגאניזאציעס אויף די [illegible] אין דער [illegible] קאמיטעט דארפען [illegible] זיך [illegible] אפגעשפאלטענע גרופען וועלכע ווילען [illegible] צו באטייליגען זיך אין דער קאנפערענץ.

רעזאלוציע וועגן דער ארבייט פון [illegible] ה. כ. א. ס.

אנגענומען אויף דער אלרוסלענדער קאנפערענץ פון „בונד“.

נעמענדיג אין באטראכט, אז פאר דער צייט פון [illegible] אין אפגעזונדערטע טיילען פון דער ר. ס. ד. א. פ. אנגענומען א גאנץ פארשיידענארטיגע טאקטיק [illegible] ריכטונגען אין [illegible]

נעמענדיג אין באטראכט, אז די ליניע פון בונד [illegible] אינטערנאציאנאלער [illegible] פון דער ר. ס. ד. א. פ. [illegible] א. פ. [illegible] ר. ס. ד. א. פ. [illegible] שטעהען אויף דער [illegible] וועלכע איז איצט פארנומען געווארען [illegible] באשטימט די קאנפערענץ ארצולעגען דעם צ. ק. פון בונד, ער זאל [illegible] אין גיכען צונויפגערופען ווערען אנ'אויסערארדנטליכער צוזאמענפאר פון די ר. ס. ד. א. פ., וואס זאל אויסארבייטען א איינהייטליכע טאקטיק פון דער פארטיי.

אונזער פארטרעטער אין צ. ק. פון דער ר. ס. ד. א. פ. דארף [illegible] פארטיידיגען אונזער טאקטיק און אונזער אלגעמיינע פאליטישע פאזיציע.

נאמענטליכע אפשטימונג.

פון דער רעזאלוציע וועגן פאליטישען מאמענט.

פאר: קראסינסקי (וויטעבסק), איינגא [illegible] (שקלאוו), גארבאצקי (קאזאזאפ), מינרעל, (אכימסאן), קלייס, נאוויקאוו (ווילנע), קרעמער (קורענעץ), ראזענבלום (נעסוויזש), באסטאשאוו (אהילעוו), אזבעל (רעטשיצע), וויינשטיין, פרימקין, לעווין, רומאנאוו (מינסק), ליבענשטיין, טאבאטשניק (קלעצק), נארעד (רוזינסקי), קאצענבאגען (באברויסק), ווילפערמאן (באטאריא און אופא), בעזראנסקי (סמאלענסק), זיאטקין (באריסאוו), נארעצ[illegible] (מאזיר), כאנוטין (פוכאוויטש), גנעזענציווי, שקאלניקאוו, זאליפסקי, שפיצער, געניקין (האמעל), לעווינסאן, ראבינאוויטש (בארנאוויטש), קאמיאנסקי (וואלאזשין).

געגען: ארשאנסקי (גאראדאק), פיפס (ווילנע), שערמאן (ריגע), אשפיז (עקאטערינאסלאוו), גערציק (מינסק), ליטוואק (עקאטערינאסלאוו), גורוויטש, פענזא, ראזענטאל (באברויסק), ספעקטאר, זשעליעזניקאוו (קיעוו), דראבקין (מאסקווע), יאפאייסקי, בילענסקי (בארנאוויטש), מערסקי (באקו), סערמאן (אייוענעץ), א זראעל (נעסוויזש). אפגעהאלטען זיך: ליפקין (איהומען).

מיט באראטונגס-רעכט, פאר: כהן (באריסאגלעבסק), שאפירא (וואליזש), רובינשטיין (וויטעבסק), פשטין, פראנקפורט (ווילנע).

געגען: לעווויט (מאסקווע), בלאכמאן (אייוהימען), אייזענשטאט (צ. ק.), הורוויטש (צ. ק.), מינסק, ע[illegible]קין (קיעוו), בראון קאנדידאט פון צ. ק., ארענסאן, סיעטיצקי (מינסק).

א רעזאלוציע וועגן פאליטישען מאמענט.

פארגעלעגט פון דעם רעכטען ס. ד. פליגעל.

מיר ברענגען דא די רעזאלוציע וועגן פאליטישען מאמענט, וואס איז פארגעלעגט געווארען אויף דער קאנפערענץ פון דעם רעכטען ס. ד. פליגעל און וואס איז ביי דער אפשטימונג אראפגענומען געווארען.

דער 4-יאריגער קריג, וועלכער איז ארויסגערופען געווארען דורך די אימפעריאליסטישע סתירות, די פארשארפונג פון די קלאסען הפיכים, דאס וואס די ברייטע מאסען האבען זיך דורך דער אייגענער שווערער ערפארונג גאנץ באקאנט מיט די אלע שרעקען פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם, דאס אלץ האט שארפער און קלארער געמאכט דעם באוואוסטזיין פון ארבייטער-קלאס, דאס האט איהם מעהר צוגעגרייט צו די באפרייענדע ענטגילטיגע שלאכטען פאר'ן סאציאליזם.

אין דער זעלבער צייט זיינען די אביעקטיווע באדינגונגען, ווי די צורודערונג אין דעם גאנצען עקאנאמישען און ווירטשאפטליכען געביט, דער חורבן פון די פראדוקציאנס-קרעפטען, די שרעקליכע פארארמונג פון די מאסען, די מידקייט פון דער קריג און די געפאר פון דער געוועלטשאפטליכער צופאלונג, — זייער ניט גינסטיג פאר די שלאכטען וועלכע שטעהען פאר דעם אינטערנאציאנאלען פראלעטאריאט.

די סאציאלע קאנפליקטען, וועלכע האבען זיך פארשארפט [illegible] אין דייטשלאנד האבען אין דער לעצטער צייט אנגענומען א כאראקטער פון א בירגער-קריג אין די רייהען פון דער דעמ[illegible] אין דעם ארבייטער-קלאס, וועלכער [illegible] אונטער די שוין גענוג אויסגעמאטערטע כוחות פון פראלעטאריאט און שאפט אויף אזא אופן א גינסטיגען באדען פאר דער קאנטר-רעוואלוציע.

קאנסטאטירענדיג, אז די רעוואלוציע אין די צענטראלע לענדער פון אייראפע, אויסגעבראכען ביי די אינטערנאציאנאלע באדינגונגען, וועלכע האבען זיך באשאפען נאכ'ן קריג, מערקט אן א נייע עפאכע אין דער וועלט-אנטוויקלונג. א עפאכע וועלכע שטעלט פאר דעם אינטערנאציאנאלען פראלעטאריאט די אומפארמיידליכקייט פון טיפע סאציאלע איבערקערענישען, קאנסטאטירענדיג דאס, קען די סאציאל-דעמאקראטיע, ביי די איצטיגע ווידערשפרעכונג באדינגונגען, פון דער אינטערנאציאנאלער לאגע ניט באהויפטען מיט זיכערקייט צי וועט זיך ענדיגען דער לעצטער עטאפ פון דער רעוואלוציע אין אייראפע מיט דעם, וואס די פארווירקליכונג פון סאציאליזם וועט שטעהן אלס א אונמיטעלבארע טאג-אויפגאבע, אדער איהם וועט נאך אויסקומען פריהער דורכצומאכען אנ'אנדערע א מעהר אדער ווייניגער לענגערע סטאדיע פון א נייער קאפיטאליסטישער פארם. ווי צום ביישפיל, דער מלוכה קאפיטאליזם, וועלכע וועט אויסנוצען [illegible] און נאך מעהר פארברייטערען די [illegible]טיווע קרעפטען אין די לענדער פון אייראפע און דאס וועט זיין די לעצטע ענטגילטיגע שטופע איידער'ן איינצושטעלען די וועלט ווירטשאפט אויף סאציאליסטישע יסודות.

ארויסגעהענדיג פון דעם אלץ דארף די סאציאל-דעמאקראטיע אונטערהאלטען מיט אלע קרעפטען די רעוואלוציאנערע באוועגונג אין מערב אייראפע, זעהענדיג אין איהר א קוואל פון קרעפטען, וועלכע דארפען העלפען רוסלאנד ארויסגעהן פון דעם שרעקליכען קריזיס, און ביים פארמולירען איהרע טאקטישע אויפגאבען דארף די סאציאל-דעמאקראטיע פריהער פון אלץ ארויסגעהן פון דעם אנאליז פון די קרעפטען פארהעלטניסע פון דער ווירקליכער רעאלער לאגע אין רוסלאנד גופא.

די עקאנאמישע אבגעשטאנענקייט פון לאנד, די נידריגע מדרגה פון די פראדוקציאנס קרעפטען, די ניט צוגעגרייטקייט פון פראלעטאריאט, וועלכער האט נאך ניט געהאט די מעגליכקייט דורכצומאכען אין וועלכער ניט איז געניגענדער מאס די שיל פון ארגאניזאציאנער ערציהונג און וועלכער שטעלט מיט זיך פאר א קליינעם מעוט אין דער פיל מיליאניגער פויערשער באפעלקערונג פון רוסלאנד — דאס אלץ מאכט פאר א שעדליכע אוטאפיע אלע פרואוון פון דער אונמיטעלבארער פארווירקליכען דעם סאציאליזם אין רוסלאנד.

מיט די אלע [illegible] פראוויען [illegible] לען [illegible] אויף גלייך [illegible] און מיט איין קלאפ נאציאנאליזירען אלע צווייגען פון דער אינדוסטריע, האט די ראטען מאכט געבראכט די פאלקסווירטשאפט, וועלכע איז שוין צושטערט געווארען דורך דער מלחמה צו דער [illegible] קאטאסטראפישער לאגע און האט באשאפען פון דארף און שטאט א [illegible] בורזשואזיע און א קלאס פון קליינע בעלי-בתים'לעך.

נאר דאן וועט מען [illegible] ווירטשאפטליכער הייט פאנאנדערגייען [illegible] רעאקציאנערע [illegible] א באלדיגע אלגעמיינע [illegible] נאר וועט מען [illegible] איבערגעבן [illegible] עקאנאמישער פאליטיק, וואס [illegible] אויף דער פרייער אנטוויקלונג פון [illegible] קליינע פויערים-ווירטשאפט, אין אויף א [illegible] צווייגען פון דער [illegible] וועלכע זיינען [illegible] די פריוואטע [illegible] די צווייגען פון דער [illegible] פאליטיק [illegible] ארויסגעפירט [illegible] דעם קאמ[illegible] אין וועלכען עס האט [illegible] 4 יאריגע מלחמה [illegible] ליטיק פון דער ראטען מאכט.

די עקאנאמישע [illegible]

די רוסישע רעוואלוציע [illegible] קענען פארענדיגט ווערן [illegible] דאמאלסט ווען [illegible] טיילן פארעפנט [illegible] די פאליטישע גרונד פראבלעמען. אין דעם פרט, דארף דער בונד, בלייבענדיג טריי די אלטע פרינציפען פון דער סאציאל-דעמאקראטיע שארף און קלאר ארויסזאגען, אז די מעגליכקייט צו פארווירקליכען דעם [illegible] אין רוסלאנד [illegible] נאר [illegible] די סאצ[illegible]

אין די אינטערעסען פון דער ארגאניזאציע פון דער סאציאליסטישער פראדוקציע, איז נויטיג פרינציפיעל אנערקענען, אז די בעסטע פארם צו פארווירקליכען דעם סאציאליזם איז — דעמאקראטיע, וואס ארגאניזירט דעם פראלעטאריאט און פארזיכערט די זעלבסטטעטיגקייט פון די מאסען, אז ביי דער דעמאקראטיע דריקט זיך די דיקטאטור פון פראלעטאריאט אויס דערין, וואס האבענדיג אויף זיין זייט די מערהייט פון די ארבייטער און [illegible] עלעמענטן פון לאנד, דארף פארווירקליכט [illegible] פראלעטאריאט [illegible] זיין הערשאפט איז די אינטערעסען פון דער דאזיגער מ[illegible]. אזא דיקטאטור [illegible] וועלכע איז געבויט [illegible] פארכאפען די מאכט דורך דער [illegible] מערהייט [illegible] להיפך צו [illegible] דיקטאטור, וועלכע איז געגרינדעט אויף א פילשטענדיגער דעמאקראטיע, איז ניט נאר וואס [illegible] דערנענטערט אונז ניט צום סאציאליזם [illegible] זי ברענגט אריין א בירגער-קריג אין די רייהען פון ארבייטער קלאס און [illegible] פארשטארקט דעם פראצעס פון דער ווירטשאפטליכער צופאלונג און צורודערונג, רופט [illegible] אנ'אפאטיע ביי די מאסען [illegible] אז די מאכט [illegible] פון א פארטיי [illegible] אדער פון א איינצעלנע פערזאן און באשאפט [illegible] גינסטיגע באדינגונגען פאר א רעסטאוראציע.

דעריבער איז דער איינציגער [illegible] צו ראטעווען רוסלאנד און די [illegible] רעוואלוציע אבשאפען די דיקטאטור [illegible] איבער די דעמאקראטיע און פירען ווייטער דעם קאמף האנד ביי האנד מיט די ברייטסטע פאלקס מאסען [illegible] גרונד פון א אויסגעהאלטענער דעמאקראטיע [illegible] א דעמאקראטישער רעפובליק אויפ'ן אלגעמיינעם וואלרעכט, וואו אלע בירגער קענען זיך באטייליגען אין פאליטישען לעבען פון רוסלאנד, אויף דער גרונד פון פרייהייט פון ווארט, פרייהייט פון פרעסע, פארזאמלונגען [illegible]

ביי דער איצטיגער לאגע אין רוסלאנד זעהט דעריבער דער בונד זיין הויפט אויפגאבע [illegible] אין די ראטען [illegible] ניג, ווי נאך מער אויסצונוצן [illegible] ריקען, זאוואדען און [illegible] און אנדערע [illegible] פירט דער בונד אן איבערהויפטליכע אגיטאציע און פראפאגאנדע פאר די אידעע פון פאלקס הערשאפט, נעמענדיג אין זיין קאמף אלס אויסגאנגספונקט דעם ראטען רעזשים אלס א פאקט פון דער ווירקליכקייט ניט אלס א פרינציפ; אט די אגיטאציע און פראפאגאנדע דארף העלפען די ארבייטער

מאכען בייציקימען די אונאפיעס און אי-[illegible] פון א [illegible]-דיקטאטור און אויף [illegible] באדינגונגען אז [illegible] קענען אנשפא-[illegible] אין דער [illegible] אין פארפעס-[illegible] און ארייני-[illegible] דורך דער [illegible] דיקטאטור. [illegible] אלע פלענער [illegible] די ראטען-[illegible] פארינ-[illegible] דער רוס-[illegible] שער רעאק-[illegible] פון בונד האלט [illegible] מעגליכקיי-[illegible] דערלאזט. [illegible] א ביטער מא-[illegible] באלשעוויקישער [illegible] פאר די פא-[illegible] רעוואלוצי-[illegible] ארבייט-[illegible] אין דער באזערקערונג די-

קאנפערענץ האלט פאר נייטיג גלייכצייטיג צו נעמען אן'אקטיווען אנטייל אין דער ארבייט פון די ראטען און אלע איינריכטונגען פון דער ראטען-מאכט, אונטערהאלטען אלע שריט פון דער ראטען-מאכט, וועלכע העלפען דער אמת'ער באפרייאונג פון דער רעוואלוציע סיי פון דער אינערליכער רעאקציע סיי פון דעם אלוועלטליכען אימפעריאליזם. די קאנפערענץ געפינט פאר נויטיג אויך אונטערצוהאלטען די טהאטען פון דער רעגירונג, וועלכע זיינען מסוגל צו פארבעסערן דעם ווירטשאפטליכען מצב פון לאנד און דינען די אינטערעסען פון פראלעטאריאט און די ברייטע פאלקסמאסען, אין דער זעלבער צייט געפינט אבער די קאנפערענץ פון בונד, אז ארבייטענדיג אין די ראטען אלס א פארטיי, וועלכע שטעהט פרינציפיעל אויפ'ן באדען פון דער אויסגעהאלטענער דעמאקראטיע, געפינט זי ניט פאר מעגליך צו נעמען אויף זיך די פאראנטווארטליכקייט פאר די אלגעמיינע פאליטיק פון דער ראטען-מאכט און זי קען אויך ניט ערלויבען אירע מיטגלידער פארנעמען אזעלכע פאסטען, וועלכע זיינען פארבונדען מיט אזא פאראנטווארטליכקייט.

פון די פראנטען.

פון פראנט-באריכט פאר'ן 22 מארט.

מערב-פראנט. אין פסקאווער ראיאן, אין פעטשארער ריכטונג ווערט דער קאמף ווייטער פארגעזעצט אין ראיאן פון דער אייזענבאן, 4 ווערסט צפון-מערב'דיגער פון פעטשארע. אין מאריענבורגער ריכטונג האבען די רויטע לעטישע טיילען פארנומען עטליכע ישובים, 12 ווערסט דרום-מזרח'דיגער פון בערהא.

דרום-פראנט. אין דאנעצער ראיאן, דרום'דיגער פון וגאנסק האבען אונזערע אפטיילונגען איבערגעהענדיג צום אנגריף, פארנומען א רייהע פראנטען. מזרח'דיגער איז דער אנגריף פון שונא אויף דער ליניע מעקעסנאוווסקי — קארטושינסקי אפגעשלאגען געווארען מיט גרויסע פארלוסטען פאר'ן נעגנער. מיר האבען פארנומען עטליכע ישובים 10 ווערסט דרום'דיגער פון כאשוואט.

מזרח-פראנט. אין סטערליטאמאקסקן ראיאן, אורנאזימסקער ריכטונג איז אפגעשלאגען געווארען דער אנגריף פון שונא, 40 ווערסט צפון-מזרח'דיגער פון אורטאזימסק. אין דער אויבערשטער אוראלער ריכטונג זיינען אונזערע טיילען אונטער'ן דרוק פון שונא צוריקגעגאנגען אויף ועכצען ווערסט צום טראקט יוערכנ'ע-אוראלסק - זאוואר פרעאבראזשענסקי. אין אופימער ראיאן, אויפ'ן טייך בעלאַיאַ האבען מיר פארנומען עטליכע ישובים, 70 ווערסט דרום-מזרח'דיגער פון אופע. דער אנגריף פון שטארקע פיינדליכע קרעפטען אויף אונזערע ישובים, 45 ווערסט דרום-מערב'דיגער פון אופע, איז אפגעשלאגען געווארען. מיר האבען גענומען געפאנגענע און פולעמיאטען. מערב'דיגער פון דער זעלבייקער אייזענבאן ליניע פלאקירט זיך סאנאטער א שלאכט. דער שונא באנוצט זיך מיט שווערער ארטילעריע. אין מענזעלינסקען ראיאן האט דער שונא פארנומען עטליכע ישובים, 25 ווערסט פון אויסגוס פון טייך בעלאַיאַ. אין ארנסקער ראיאן האבען מיר אפגעשלאגען די פיינדליכע באטאקעס פון שונא. אין ארענבורגער און אין טורגייער ראיאנען ווערען די שלאכטען פארגעזעצט.

(ראסטא)

אויפ'ן ריגער פראנט.

ריגע, 21 מארט. נעמענדיג אין אכט די דראהענדע געפאהר, אין וועלכער ס'געפינט זיך ריגע און דער ריגער אויעזד, ווי אויך דעם באשלוס צו פארטיידיגען די רויטע ריגע ביז דער לעצטער מעגליכקייט, האט די ראטען-רעגירונג פון לאטוויע איבערגעגעבען די גאנצע מאכט אין ריגע און ריגער ראיאן א וואיענרעוואקאם פון 5 מענשען, וועלכער האט דאס רעכט צו פארברייטערן זיינע פונקציעס און צו קאאפטירען נאך מיטגלידער. דער פראלעטאריאט פון ריגע האט באשלאסען צו פארטיידיגען די שטאט ביז דער לעצטער מעגליכקייט. דער ערשטער קלאפ אנגרייפענדיגען שונא איז געגעבען געווארען. די ווייסע באנדעס זענען ווידער צוריקגעווארפען געווארען איבערן טייך אא-קורליאנדסקאיא. אויף די אנדערע פראנטען אין די לאגע א שטאנדהאפטיגע. דעם 21 מארט האט דער אוואנגארד פון אונזער מיטאווער גרופע געפירט אן'אנגריף אויף מיטאווע; ווען אונזערע אפטיילונגען זענען צוגעגאנגען אויף הונדערט טריט צום אייזענבאן-בריק זענען זיי באשאסען געווארען פון פולעמיאטען, וואס זענען געווען אויפגעשטעלט אויף די קלויסטערס און הויכע הייזער. דורכ'ן פייער פון אונזער געפאנצערטער צוג, בראנעוויקעס און ארטילעריע האבען מיר אינגאנצען צושטערט די הייזער, פון וועלכע די ווייסע האבען געשאסען. מיר האבען גענומען געפאנגען א דייטשען פליהער מיט א עראפלאן, וועלכער האט אונז געגעבען זעהר נוצליכע ידיעות. עס איז ערקלערט געווארען א מאביליזאציע פון די געבוירענע אין 1895 1896 יארען.

(ראסטא)

אנגענאמען און לאנדווירטשאפטס-ספעציאליסטען.

— אונגליקס-צופאל. דער טרעגער רווערמאן איז דורך אן'אונגליקס-צופאל דער'הרג'עט געווארען, בעת ער האט איבערגעטראגן אן'אייזערנע קאסע פאר'ן קאסטרוי. דער קאסטרוי האט באשלאסען אויסצוצאהלען פאנאטליך רודערמאנ'ס פאמיליע 3 דריטעל פון זיינע שכירות, 583 ר. מיט 33 ק.

— אויספארשונגס-קאמיסיע. ס'האבען זיך שוין ארגאניזירט די אויספארשונגס-קאמיסיעס ביי די פאלקס-ריכטער. די שטאט-טיילן זיינען איינגעטיילט אזוי: דער ערשטער און 3-טער שטאט-טייל זיינען אויסגעטיילט אין ערשטען ראיאן, אויספארשער חבר יונגערק; 2-טער און 5-טער שטאט-טייל, זיינען אויסגעטיילט אין 2-טען ראיאן, אויספארשער חבר ריזאנאוו; דער 4-טער שטאט-טייל און גאר וויכטיגע משפטים געהען אריין אין 3-טען ראיאן, אויספארשער חבר קאלטראד. דער הויפט-פארוואלטער איז חבר ידידיה. די קאמערען פון אלע 3 ראיאנען געפינען זיך אויף זאכאריעווער גאס, № 33. אהין ווערען איבערגעגעבען צו אויספארשען פארברעכענס וועגען אנפאלען, גזילות, ספעקולאציע מיט נארמירטע פראדוקטען, כאבאר און אנדערע. ווען די אויספארשונג ענדיגט זיך, ווערט די ענגעלעגענהייט איבערגעגעבען די פאלקס-ריכטער. דער צוזאמענפאר פון די ריכטער האט ארויסגעזאגט א וואונש, אז די אויספארשונגען זאלען זיך ניט ציהען לענגער פון 2 מאנאטען.

— דער דרוקער-פאראיין, האט זיך איבערגעקליבען פונ'ם 3-טען שטאק אינ'ם ארבייטס-הויז, אויפ'ן 2-טען שטאק, צימער 41, היינט פון 12 ביז 1 ווערט דארט ארויסגעגעבען די ארדערס אויף די געוואונגע קלאַשען.

אין אויסלאנד

דייטשלאנד.

[illegible]

(ראסטא)

[illegible]

(ראסטא)

[illegible]

(ראסטא)

[illegible]

(ראסטא)

ענגלאנד.

[illegible] אויסשטאנד האבען אנ-[illegible] סאלדאטען. די [illegible] אין קאנאדע. דער אויסשטאנד איז [illegible]. די אנפירער ווערען איבערגעגעבען צום קריגס-געריכט.

(ראסטא)

אונגארן.

אונגארן א ראטען רעפובליק.

מאסקווע, 22 מארט. אויף דער זיצונג פון [illegible] פון דער רוסלענדער קאמוניסטישער פארטיי דעם 22 מארט האט דער פרעזידיום פון צוזאמענפאר באקומען א ידיעה וועגען א פראלעטארישער רעוואלוציע, וואס איז פארגעקומען אין אונגארן. דער פארזיצער קאמעניעוו האט געגעבען א וואָרט זינאוויעוו צו פארעפענטליכען די באקומענע ידיעה. זינאוויעוו מעלדעט: חברים, נאר וואס האט זיך באקומען א ראדיא-טעלעגראמע פון בודאפעשט, די הויפט-שטאט פון אונגארן. אונגארן איז פראקלאמירט געווארען אלס ראטען-רעפובליק. די נייע ראטען-רעגירונג פון אונגארן רופט ארויס דורכ'ן ראדיא אפאראט לעניגען ווייטער זאגט זיך אין דער ראדיא-דעפעשע, אז די נייע ראטען-רעגירונג פון אונגארן לעגט אונז פאר א פאראייניגונג און אנגרייפס בונד געגען אלע פיינד פון ארבייטער-קלאס.

(ראסטא)

מאַסען-דעמאנסטראציעס אין דרום-סלאַוויען.

ווין, 2 מארט. אין זאגרעב און אין גאנץ כארוואטען קומען פאר גאסען-מאניפעסטאציעס צוליב דעם וואס עס האט זיך באקומען ידיעה, אז דרום-סלאווען האט פארלארען לטובת איטאליען דעם געביט, וואס איז פארנומען פון די איטאליענער-אויסער דאלמאציען.

(ראסטא)

א מיליטערישע קאנווענציע צווישען פוילען און דער אנטאנטע.

ווארשע, 10 מארט. „קוריער פאראני" מעלדעט, אז די פראגע וועגען באשטעטיגען די מיליטערישע קאנווענציע צווישען פוילען און דער אנטאנטע געפינט זיך אין א צוגרייטונגס-סטאדיע. ווי מ'גיט איבער האט זיך די פראגע באהאנדעלט אין די קאמיסיע פון סיים.

(בעלא-ראסטא)

די שלום-קאנפערענץ.

פון קארנאוואן מעלדעט מען פון 7 מארט: מען רעכענט, אז ביז'ן 23 מארט וועט אנגענומען ווערען א באשלוס וועגען דער פארזאמלונג פון שלום-קאנגרעס. די דייטשען וועלען צוגעלאזען ווערען צו די דעבאטען צווישען 1 און 10 אפריל.

דער ספעציעלער קארעספאנדענט פון דער דיילי-אגענטור אין פאריז מעלדעט, אז די קאמיסיע וועגען די היזקות וועט פעסטשטעלען באשטימטע סומעס, וויפיל דייטשלאנד דארף באצאהלען אין איצטיגען מאמענט און וויפיל זי וועט דארפען צאהלען יערליך אין פארלויף פון א באשטימטער צייט. מען רופט אן די סומע פון 24000 מיליאן פונט שטערלינג, וואס די פיינדליכע מלוכות וועלען דארפען אפצאהלען.

(בעלא-ראסטא)

קלעמאַנסא און די בערנער דעלעגאציע.

שטאקהאלם, 18 מארט. ווי עס מעלדעט די צייטונג „סאציאל-דעמאקראטען" האט קלעמאַנסא זיך אפגעזאגט צו וויזירען די פאספארטען פון דער בערנער דעלעגאציע אויף צו פארען קיין רוסלאנד.

(ראסטא)

אין אוקראינע

[illegible] ניקאלאיעוו.

ניקאלאיעוו, [illegible] מארט. די פארשטעהער אין דער [illegible] קריגס-קאמאנדע האבען [illegible] פון „ראסטא" [illegible] וועגען די געשעהענישען אין ניקאלאיעוו. [illegible] די ראטען-מאכט. [illegible] האט אנגענומען [illegible] די שטאט זאל איהן [illegible] דער ראטען-ארמיי. [illegible] ארגאניזירט געווארען עטליכע [illegible] די שטאט איז ניט [illegible] פון אנטאנטישען קלאס.

די דייטשען האבען איבערגעגעבען דעם ראט וועגען אלץ, וואס די פראנצויזען און גריכען האבען גערעכענט אנצונעמען בנוגע דער ראטען - מאכט. די פראנצויזען האבען געוואלט אויפרייסען די ניקאלאיעווער ראדיא-סטאנציע. נאר אין רעגען מיט דער פראנצויזישער קאמאנדע האט זיך איינגעגעבען אויסצוווירקען, אז די ראדיא-סטאנציע זאל בלייבען. אלע הארמאטען האבען זיך אפגעשטעלט גאנץ. איצט איצט איז אין שטאט רוהיג. די שטאט - פארוואלטונג שטעהט שוין לאנג אויף דער פלאטפארמע פון דער ראטען-מאכט.

(ראסטא)

אויפ'ן צוזאמענפאר פון דער ר. ק. פ.

מאסקווע, 21 מארט. אויפ'ן טאג-ארדנונג פון צווייטען טאג פון צוזאמענפאר איז געשטאנען די פראגע וועגען דער פארטיי-פראגראם. אלס פארטרעטער זענען ארויסגעטרעטן ביכארין און לענין.

אין זיין פארטראג האט ביכארין אנגעוויזען אז די פראגראם, וואס ווערט איצט אויסגעארבייט, דארף פארשטעלען מיט זיך אן אינסטרוקציע פאר דער פארטיי-ארבייט. די פראגראם דארף צוזאמענעמען אונזער גאנצע ערפארונג. וואס זאל זיין ניצליך אויך פאר אונזערע אויסלענדישע חברים. פון דער נייער פראגראם דארף ארויסגעווארפען ווערען די אלטע טיילונג אויף פראגראם מאקסימום און מינימום, ווייל אונזער אויפגאבע איז — בויען דעם סאציאליזם. די פראגראם דארף ווייטער געבען אן אנאליז פון דער פראלעטארישער דיקטאטור. דער גאנג פון די געשעהענישען האט באוויזען, אז די ראטען זענען די אלגעמיינע פארם פון דער פראלעטארישער דיקטאטור אויפ'ן עקאנאמישען געביט דארף זיך אונזער פראגראם ניט נאר אויף דער פארערונג צו סאציאליזירען די אינדוסטריע. נאר אויך מיט א באזונדערע קלארקייט אונטערשטרייכען, אז מיר זענען אנטאנגער פון פראדוקטיווע קאמוניזם, וועמעס הויפט-אויסגאבע עס איז ניט די פרימיטיווע גלייכע חלוקה, נאר די אנטוויקלונג פון די פראדוקטיווע קרעפטען.

אויפ'ן ווירטשאפטליכען געביט וועט די עקספראפריאציע פון דער קליין-בורזשואזיע ניט געבען אונז קיין שום ווערטפולעס. דער פאליטישער רעזולטאט פון דעם איז אבער, אז די גרויסע מאסען פון די מיטעלשטאנד און פון מיטעלען פויערים ווערען פארביטערט. מען מוז אויפ'ן קאטעגארישען אופן אנווייזען אין דער פראגראם, אז די עקספראפריאציע פון דער גרויס-בורזשואזיע איז איין זאך און אז די עקספראפריאציע פון דער קליין און מיטעל-בורזשואזיע איז ניט דערלויבט.

לענין האט אין זיין פארטראג אפגעשטעלט זיך אויף די מעהר שטרייטיגע פונקטען פון דער פראגראם. ער איז ניט מסכים מיט'ן פארשלאג פון בוכארינען צו פארבייטען די פארמולע פון דער זעלבסט-באשטימונג נאר פון די ארבייטענדע קלאסען. די ארבייטער אין אויסלאנד שרעקט מען אפ מיט דעם, וואס מ'זאגט זיי, אז די באלשעוויקעס וועלען אויטאמאטיש איינפירען זייער סיסטעם דורך רויט-ארמייאישע שטיקעס. ניט מיט געוואלד קען מען איינוואורצלען דעם קאמוניזם. יעדער נאציע דארף באקומען דאס רעכט אויף זעלבסט-באשטימונג פון די ארבייטענדע. וואס איז שייך דעם מיטעלען פויערטום באשטעהט די פאליטיק פון דער ר. ק. פ. אין דעם, — צו מעלדען און פלאנמעסיג אריינציהען איהם אין דער ארבייט פון דער סאציאליסטישער איבערבויאונג. די פארטיי שטעלט זיך פאר א אויפגאבע אפצוטיילען דעם מיטעלען פויערטום פון די קולאקעס און צוציהען איהם אויף דער זייט פון ארבייטער-קלאס מיט דעם, וואס מען וועט זיך צוהערען צו זיינע נויטען.

וועגען דער קאאפעראציע זאגט לענין, אז מען דארף קעמפען מיט דעם קאנטר-רעוואלוציאנערע אין די קאאפעראציעס, עס דארף אבער ניט זיין קיין קאמף מיט'ן אפאראט פון דער קאאפעראציע, וועלכען מען דארף אויסנוצען. די פראגע וועגען בורזשואזע ספעציאליסטען דארף אויף דעם צוזאמענפאר פארגעשטעלט ווערען מיט דער גאנצער קלארקייט. כדי אריינצוציהען זיי אין אונזער אפאראט, דארף מען זיי געבען וואס בעסערע עקזיסטענץ - באדינגונגען. דאס וועט זיין די בעסטע פאליטיק און די ספארזאמסטע ווירטשאפט. אנדערש וועלען מיר איינשפארען עטליכע הונדערטער מיליאנען, מיר וועלען אבער פארלירען אזוי פיל, אז מיט קיינע מיליארדען וועלען מיר עס ניט צוריק באקומען. מען דארף דורכפירען איין שטרענגע ליניע: אפהאקען פון דער קאנטר-רעוואלוציע דעם קולטור-בורזשואזען אפאראט און אויסנוצען אים.

ווייטער זאגט לענין, אז מיט'ן ביוראקראטיזם קען מען קעמפען ביז'ן סוף נאר דאן, ווען די גאנצע באפעלקערונג וועט אנטייל נעמען אין דער פארוואלטונג.

צום סוף זאגט לענין, אז קיינער האט ניט ארויסגעטריבען די בורזשואזיע פון די ראטען, זי איז אליין אוועק.

מינסקער לעבן

— קאלאשען. דער גובפראדקאם ערווארטעט איצט גאר אינגיכען א גרויסע פארטיע קאלאשען. חוץ די קאלאשען, וואס זענען פריהער וואך צעטיילט געווארען דורך די פאראיינען, זענען דעם סאוונארקאם איבערגעגעבען געווארען נאך 1900 פאר קאלאשען, וואס וועלען קירצליך ווידער צעטיילט ווערען דורך די פאראיינען.

— קעראסין. דער גובפראדקאם האט באקומען 1 ציסטערנע קעראסין. דאס וועט קירצליך צעטיילט ווערען. נאך 2 ציסטערנעס ווערען ערווארטעט אין גיכען.

— סיראפ. דער גובפראדקאם האט באקומען א פארטיע פון פראפינאד סירופ אין מעלאס. א טייל פון דעם וועט אפגעשיקט ווערען אין ווילנע. דאס איבעריגע וועט צעטיילט ווערען אין מינסק דורך די ארבייטער-קאאפעראטיוון.

— נארמירטע פראדוקטען. אין נארקאמפראד (האטעל גארני) ווערען איצט ארויסגעגעבען ערלויבנישען פארטרעטער אדער איינצעלנע מיטגלידער פון פראפעסיאנעלע פאראיינען אריינצופירען אין מינסק ערנערונגס-פראדוקטען.

— פראדוקציאנס-פרינציפ. ביים ראט (צ. ב.) פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען האט זיך געגרינדעט א ארגאניזאציאנס-אינסטרוקטאר אפטיילונג, וואס דארף ארגאניזירען די פאראיינען נאכ'ן פראדוקציאנס-פרינציפ. דער פארוואלטער פון דער אפטיילונג איז חבר ב. מייבערג. די אפטיילונג וועט אויך באדינען די גובערניע און אלע אפטיילונג פון קאמסטרוי.

— סטאטיסטיק. די גובערניעלע סטאטיסטישע ביורא פירט איצט דורך אין מינסקער גובערניע א [illegible] פון די פאבריקען, [illegible] און א פראפעסיאנעלע איבערשרייבונג. די אונטערנעמונגען זענען מחויב צו ווייזען די [illegible] די ביכער, רעכענונגען א. ז. וו.

— אין ארבייטס-בירושע. די טעג קלייבט זיך די בירושע אריבער אין „ארבייטס-הויז". זי וועט דארט פארנעמען דעם גאנצען לינקען פליגעל פון 3-טען עטאזש. די בירושע רופט זיך איצט „מינסקער גובערניעלע [illegible] פאר ארבייטס-קראפט [illegible]". אין דער בירושע זענען איצט דא [illegible] אויף

לעצטע נייעס.

פון אוקראינישען פראנט.

קיעוו, 20 מארט. אויף דער סטאנציע ווינצע האבען מיר פארכאפט 5 לאקאמאטיווען, 100 וואגאנעס, 11 הארמאטען, א סך פולעמיאטען, ביקסען, לייכטע לאסט-אויטאמאבילען, עראפלאנען, פערד, סקלאדען מיט פראדוקטען און אנדערע זאכען און 400 געפאנגענע. אין ריוונער ריכטונג געהט א קאמף. אונזערע מיליטער יאגט דעם שונא. אין ראיאן פון וואזנעסענסק קומען פאר געשלעגען מיט די פאדערשטע אפטיילונגען פון נעגנער.

(ראסטא)

אפעראציאנס סך-הכל פאר'ן 20 מארט.

קיעוו, 20 מארט. אין קאראסטענער ריכטונג האבען מיר אפגעשטעלט דעם אנגריף פון שונא. אין ראוונער ריכטונג רוקען זיך אונזערע אפטיילונגען ווייטער. מיר האבען פארנומען דעם אייזענבאן-בריק איבער'ן טייך טעטערעוו. אין זשיטאמירער ריכטונג האבען מיר ווידער פארנומען די סט. דריסטאנאווקע.

(ראסטא)

דייטשלאנד און די שלום-באדינגונגען.

נויען, 20 מארט. ביי די באשפרעכונגען, וואס זענען פארגעקומען אין בערלין מיט דייטשע פארשטעהער פאר די שלום-אונטערהאנדלונגען, האט מען גענומען אין באטראכט אלע מעגליכקייטען און עס איז געווען פעסטגעשטעלט געווארען, ביי וועלכע באדינגונגען זאלען זיך די דעלעגאטען אפזאגען אונטערצושרייבען דעם שלום-אפמאך. די דייטשע דעלעגאטען האבען באקומען די געהעריגע אינסטרוקציעס.

א איספאלקאם פון דריטען אינטערנאציאנאל.

מאסקווע, 21 מארט. דער קאנגרעס פון קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל האט באשלאסען צו בילדען א איספאלקאם פון די פארשטעהער פון רוסלאנד, דייטשלאנד, עסטרייך, אונגארן, שווייץ סקאנדינאוויען און פון באלקאנישען פארבאנד. אלע קאמוניסטישע פארטייען דארפען האבען זייערע שטענדיגע פארטרעטער אין איספאלקאם. אנדערע קאמוניסטישע פארטייען קענען דערגאנצען דעם צוזאמענשטעל פון איספאלקאם.

דעם 18 מארט איז פארגעקומען א זיצונג פון איספאלקאם. אלס פארזיצער איז איינשטימיג אויסגעקליבען געווארען זינאוויעוו, אלס סעקרעטאר — באלאבאנאווא און ווארארווסקי. עס איז באשלאסען געווארען ארויסצוגעבען א זשורנאל „דער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל" אויף רוסיש, פראנצויזיש, דייטש ניט שפעטער ווי איין מאל אין מאנאט.

(ראסטא)

מודעה.

עס ווערט אנגענומען דער אבאנעמענט אויף די פאלגענדע פעריאדישע אויסגאבען פונ'ם אידישען פארלאג ביים פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג אין ליטע און ווייסרוסלאנד:

1) חדש'דיקער זשורנאל - „די נייע וועלט"
פאר א יאר—48 רובל. 6 חדשים—26 ר. 3 חדשים 12 ר.
אין איינצעל-פארקויף 5 ר. א נומער.

2) צוויי-וואכיגער זשורנאל „פאלקס-בילדונג"
פאר 3 חדשים—6 רוב. אין איינצעלפארקויף 1 ר. א נומער.

3) צוויי-וואכיגער קינדער-זשורנאל „גרינינקע ביימעלאך"
פאר 3 חדשים—3 רוב. אין איינצעלפארקויף 1 רובל 50 קאפ. א נומער.

אדרעס: ווילנע, פרייסע גאס 54 פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג, „אידישער פארלאג".

ארבייטער-קאאפעראטיוו „איינינקייט"

אויף אויסצומיידען די שפארענס אין די קראמען, וועט פארקויפט ווערען פראדוקטען לויט דער פאלגענדער טאבעלע.

[illegible]	די ביכלאך	פון	נומ.	1	ביז	נומ.	800
[illegible]	-	-	-	801	-	-	1600
[illegible]	-	-	-	1601	-	-	2400
[illegible]	-	-	-	2401	-	-	3200
[illegible]	-	-	-	3201	-	-	4100

פרייטאג די וועלכע האבען צוליב וויכטיגע אורזאכען ניט געקענט קומען אין די אנגעצייכנטע טעג.

די קאנטאר פון „איינינקייט"

האט זיך איבערגעקליבען אויף יוריעוסקע נומער 6 (אנטקעגען די מאנע ביורא) אריינגאנג פון הויף אפען פון 10 פריה ביז 5 אווענד.
מעלדונגען ווערען אנגענומען פון 10 ביז 8.

חברים, פארשפרייט אייער צייטונג!

חברים! אין יעדער שטעטעל מוזען גלייך געשאפען ווערען „וועקער-קאמיסיעס", וואס זאלען וואס ברייטער פארשפרייטען די צייטונג און שאפען פאר איר א רעגולערע געלד-שטיצע. מיר זאלען גלייך, זאמלען געלד, איינארדנען „וועקער-אווענדען", פארשפרייטען די „וועקער-מארקעס".

חברים, די צייטונג קען נאר דאן עקזיסטירען, ווען יעדער ארבייטער וועט איר קומען צו הילף.

חברים, פארשפרייט אייער צייטונג!

די קאמיסיע פון דער

קאאפעראטיווער סעקציע

פון פראפעסיאנעלען פאראיין פון אנגעשטעלטע, מעלדעט די קאאפעראטיווע אנגעשטעלטע, אז אין איהר רשות געפינען זיך 77 פאר גאלאשען. די וועלכע ווילען זיי באקומען דארפען זיך פארשרייבען ביים רעגיסטרירען פון ספעציעלער קאמיסיע (הויז פון ארבייט צימער 22 פאראיין פון אנגעשטעלטע) טעגליך פון 7 ביז 9 אווענד, ניט שפעטער פון 24 מארץ.

דער מינסקער קאמיטעט פון

קאמוניסטישען יוגענד-פארבאנד

האט באשלאסען צו מאביליזירען אלע מיטגלידער פון 17 יאר און.
די רעגיסטראציע קומט פאר טעגליך פון 7 ביז 10 אווענד אין לאקאל קאידאנאווער 7.
אלע מיטגלידער זיינען מחויב צו קומען.

דער איינקויף-ארגאן ביים ראט

פון די פאראייניגטע ארבייטער-קאאפעראטיוון און וועלכען עס געהען אריין אויך פארשטעהער פון ראט פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען, בעט אלע פריוואטע פערזאנען אדער ארגאניזאציעס, וואס האבען פארצולייגען פארשיידענע סחורות, זיי זאלען זיך ווענדען צום פארוואלטער פון איינקויפס-ארגאן אין קאנטאר פרייהייטס-פלאץ נומער 4, (געוועזענע קאנטאר פון עקספעדיטאר) טעגליך פון 12 ביז 3 א זייגער בייטאג.

פרייז 60 קאפ.

פראלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניגט זיך!

דער וועקער

צענטראל-ארגאן פון „בונד“ אין ראטען-רוסלאנד.

רעדאקציע און קאנטאר געפינען זיך: זאכאריעווסקע נומ. 54, זאקרוסעווסקי'ס הויז, אריינגאנג אין הויף. די קאנטאר איז אפען טעגליך חוץ שבת פון 10 ביז 4 אזייגער.

אדרעס פאר קארעספאנדענצען: Минскъ, редакція (контора) „Деръ Векеръ“.

ערשיינט טעגליך.

[illegible]

№ 510 Минскъ, 25 марта 1919 [illegible], 25 מארט

מודעה.

עס ווערט אנגענומען דער אבאנעמענט אויף די פאלגענדע פעריאדישע אויסגאבען פונ'ם אידישען פארלאג ביים פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג אין ליטע און רייסען

1) חדשו'דיקער זשורנאל „די נייע וועלט“
פאר א יאר—48 רובל, 6 חדשים—26 ר. 3 ח. [illegible] 12 ר.
אין איינצעל-פארקויף 5 ר. א נומער.

2) צווייוואכיגער זשורנאל „פאלקס-בילדונג“
פאר 3 חדשים—6 רוב. אין איינצעל-פארקויף 1 ר. א נומער.

3) צווייוואכיגער קינדער-זשורנאל „גרינינקע ביימעלעך“
פאר 3 חדשים—3 רוב. אין איינצעל-פארקויף 1 רובל 50 קאפ. א נומער.

אדרעס: ווילנע, בריסקע גאס 54 פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג, „אידישער פארלאג“.

ארבייטער-קאאפעראטיוו „איינינקייט“

אויף אויסצומיידען די שפארענעס אין די קראמען, וועט פארקויפט ווערען פראדוקטען לויט דער פאלגענדער טאבעלע.

	די ביכלאך פון נומ.	ביז
זונטאג	1	[illegible]
מאנטאג	801	1600
דינסטאג	1601	2400
מיטוואך	2401	3200
דאנערשטאג	3201	4100

פרייטאג די וועלכע האבען צוליב וויכטיגע אורזאכען ניט געקענט קומען אין די אנגעצייכנטע טעג.

די קאנטאר פון „איינינקייט“

האט זיך איבערגעקליבען אויף יוריעווסקע נומער 6 (אנטקעגען די באנק ביורא). אריינגאנג פון הויף אפען פון 10 פריה ביז 5 אווענט. מעלדונגען ווערען אנגענומען פון 10 ביז 8.

נייס אין דער אידישער ליטעראטור

ס'איז ערשינען א נייע ווערק וועגען קאאפעראציע און קאאפעראטיוון

וואס איז אזוינס א קאנסום-געזעלשאפט?

פון י. אייזענשטאט [illegible]

ארויסגעגעבען פון מינסקער ארבייטער-קאאפ. „איינינקייט“

פרייז 50 קאפ.

דער פארקויף אין קאנטאר פון „איינינקייט“ יוריעווער גאס נומ. 6.

די פארוואלטונג פון ארב. קאאפעראטיוו

„איינינקייט“

איז אריין אין אבמאך און האט איינגעשטעלט א ספעציעלען [illegible]

פרייז פון צאן-דאקטאר

וואלקאמיטש

[illegible]

פאר די מיטגלידער פון קאאפעראטיוו וואס קומען צו אים היילען די ציינער, פלאמבירען אדער מאכען נייע ציינער.

[illegible] דאס אבאנעמענט אויפ'ן „וועקער“ פונ'ם 1-טען אפריל

אין מינסק **10 רובל אחודש** אין אנדערע שטעט 12 ר.

מיר בעטען אלע ארגאניזאציעס און די חברים-לעזער אומבאדינגט אריינצושיקן דאס אבאנעמענטס-געלט אויף די [illegible] ביז'ן 1 אפריל, כדי עס זאל ניט פארקומען קיין אפהאלט אין ארויסשיקן די צייטונג.

די קאנטאר.

די פארוואלטונג פון מינסקער פראפעסיאנעלן פאראיין פון האנדעלס-אנגעשטעלטע דריקט אויס זייער מיטגעפיל דער

ח' פאשע טורעצקי צום טויט פון איר פאטער

די פאראייניגטע אידישע [illegible] אין

קאמערנעם טעאטער

דינסטאג, 25 מארט צום 2-טען מאל אין סעזאן די באליבטע פיעסע

די יתומה

אין 4 אקטען.

עס גאסטירען [illegible] און [illegible] די [illegible]

מיטוואך, 26 מארט בענעפיס פון דער ארטיסטין ע. שטרייסמאן. עס ווערט געשפילט צום 1-טען מאל אין מינסק די באליבטע

קאמעדיע פון שלום-עליכם

צוזייט און צושפרייט

[illegible] א [illegible] צווייטען אנדערע נומ. וועט די בענעפיציאנטין אויספירן דעם באוו. מאנאלאג פון שלום עליכם „די קאץ“.

בילעטען פארקויפען זיך.

אנפאנג 8 א זייגער. נייע צייט.

אדמיניסטראטאר בעזמאן.

די עלפטע קאנפערענץ פון בונד.

אויף די דעלעגאטען פון דער קאנפערענץ האט [illegible] ניט [illegible] די כוונה, [illegible] אז מיטגלידער פון בונד. די [illegible] די געוועזענע האבען זיך אויך [illegible] מ'האט זיך [illegible] ניט [illegible] מיט א צייט. פאר קיינעם איז קיין סוד ניט, אז אויך אין אייגענע בונדישע קרייזען האט מען זיך [illegible] סכנה פארגעשטעלט. די [illegible] אין אוק-ראינע [illegible] אין [illegible] ארגאניזאציעס אויך [illegible] אוקראינע [illegible] האט אלץ געהאט [illegible] און [illegible] אין אפילו די מעהר אפטימיסטישע, וואס האבען געהאפט אויף די פעסטע טראדי-ציעס פון אונזער פארטיי, האבען זיך פארגעשטעלט, אז אויב קיין פארמעלע שפאלטונג וועט ניט פארקומען, אויב די מינדערהייט וועט זיך אונטערווארפען דער מערהייט, וועלען זיך די שטימען צוטיילען כמעט גלייך אויף גלייך, די מערהייט וועט זיין אן אומבאדייטענדע און ס'וועט זיך באשאפען א שווערע לאגע פאר דער ווייטערדיגער ארבייט.

די דאגות פון די פריינד, די פריידיגע האפנונגען פון די פיינד זענען ניט מקוים געווארען. ניט נור וועגען צושפאלטונג קאן קיין רעד ניט זיין. די וויכטיגסטע באשלוסען זענען אנגענומען געווארען מיט א גרויסער מערהייט. די רעזאלוציע וועגען פאליטישען מאמענט האט באקומען 32 שטימען געגען 16, זי איז אויך אזוי איבען אנגענומען געווארען מיט א קוואליפיצירטער מערהייט פון צוויי דריטעל. דאס איז א פעסטע גאראנטיע דערפאר, אז די פארטיי וועט ווירקליך בכח זיין איהר אנגענומענע ליניע צו האלטען און דורכצופירן. די מינדערהייט, וועלכע האט געשטימט געגען, האט דערביי ערקלערט, אז מיט דעם פראקטישען פראגראם פון דער רעוואלוציע איז זי מסכים און אז זי געפינט פאר מעגליך אויף דעם באדען צו ארבייטען. פעסט, איינהייטליך אין כח, מיט נייער קראפט געהט אונזער פארטיי ארויס פון דער קאנפערענץ.

אויף דער מאסקווער באראטונג האט אונזער פארטיי פעסטגעשטעלט איהר אריענטאציע אויף דער סאציאלער רעוואלוציע און אויף דער מעגליכקייט פון סאציאליסטישער בויאונג אויך אין רוסלאנד. זי האט גערופען אונזערע ארגאניזאציעס צו שטעלען זיך אויפ'ן באדען פון דער ראטען-קאנסטיטוציע, אקטיוו צו באטייליגען זיך אין דער סאציאליסטישער שאפונג, אקטיוו אונטערשטיצען די ראטענמאכט אין קאמף געגען דער אויסערליכער און אינערליכער קאנטר-רעוואלוציע.

אין דעם פונקט האט קיין רעדנער ניט געקענט זיין וועגען צוריק דער עקסטרעמער פליגעל פון דער עלפטער קאנפערענץ, וועלכער האט אויפ'ן ווארט אויך געשטימט וועגען דער סאציאלער רעוואלוציע, אבער איז בשום אופן ניט געשטאנען אויף איהר באדען, האט קיין שום ערפאלג ניט געקאנט האבען. עס האט זיך נאכאמאל איבערגעחזרט דאס, וואס אין מאסקווע. די רעכטע האבען ארויסגעשטעלט א רעזאלוציע [illegible] אריינגעטראגען א רעזאלוציע און אראפגענומען זי פון אפשטימונג, כדי מיט זייערע שטימען צו אונטערשטיצען דאס קלענערע בייז—דעם רעכטען צענטער.

אבער שטעלענדיג זיך אויפ'ן באדען פון דער ראטען-קאנסטיטוציע, רופענדיג צו אונטערשטיצען די ראטען-מאכט, האט אונזער מאסקווער באראטונג פארמולירט די שטעלונג פון אונזער פארטיי ווי אן אפאזיציאנעלע. די פעהלערען און טעות'ן אין דער ראטען-פאליטיק, די טרויעריגע פראקטיק פון דער ראטען-מאכט אויף די ערטער, די פעהלערען אין דארף, די רדיפות געגען סאציאליסטישע פארטייען, דאס פאקטישע ניט-ערפילען די ראטען-קאנסטיטוציע — דאס אלץ איז געווען באטאנט אין אונזער מאסקווער רעזאלוציע, און די פארטיי האט ערקלערט, אז זי קאן אויף זיך ניט נעהמען די פאראנטווארטליכקייט פאר די אלגעמיינע פאליטיק פון דער מאכט.

און אזוי ווי די רעכטע האבען גע-שטרעבט צו שטעלען אונזער פארטיי אין דער שטעלונג פון פרינציפיעלער אפאזיציע, צו באטאנען קודם כל דאס אלץ, וואס טיילט אונז אפ פון דער ראטען-מאכט, צו אפגעבען אונזערע קרעפטען און אונזער ענערגיע קודם כל דעם אידעען-קאמף געגען קאמוניזם,—אזוי האבען מיר געהאט אין דער פארטיי אויך אן עקסט-לינקע שטרעמונג, פאר וועלכער יעדע אפאזיציע, יעדער קאמף געגען קאמוניזם, יעדעס איינ-שטעלען זיך פאר אונזערע פארטיי-פרינציפען איז געווען איבעריג. זיי האבען גע-וואלט, מיר זאלען אויפהערען צו זיין א אפאזיציע, מיר זאלען נעהמען אויף זיך די גאנצע פאראנטווארטליכקייט פאר דער פאליטיק פון דער הערשענדער פארטיי.

פאר דעם גרעסטען טייל פון דער פארטיי איז דער שריט שוין נישט גע-שטאנען אויפ'ן פרינציפיעלען באדען: ראטענמאכט אדער פארלאמענטאריזם. פאק-טיש האט אויך דער אזוי גערופענער רעכ-טער צענטער אנערקענט, אז צונויפרופען איצט אין רוסלאנד א גרינדונגס-פארזאמ-לונג וואלט באדייטען איבערגעבען מיט די אייגענע הענד די מאכט דער בורזשו-אזיע. פאקטיש האט ער אויך אנערקענט, אז די ראטענמאכט איז אן אויסנאהמליכע מלוכה-פארם אין רוסלאנד. פאקטיש האט ער אויך אין זיינע אויסבעסערונגען גע-זאגט, אז דער פרינציפ פון דעמאקראטיע איז אידם קודם כל דער פרינציפ פון זעלבסטשטענדיגקייט. דאס הייסט, ער וויל בלייבען אויף דער פאזיציע פון דעמא-קראטיזם. דאס איז אלץ, וואס האט אים ערשיינט זייער פארשלאג אין דער פראגע. די לינקערע האבען אבער געזע-נען פאר נויטיג און פאר מעגליך אונזער ציהענדיג דעם סך הכל פון דער [illegible] ערפאהרונג פון דער לעצטער צייט. די רעוואלוציע אין דייטשלאנד, [illegible] די פראוואן פון בויען א דעמאקראטישע מאכט אין אוקראינע צו קאנסטאטירען, אז אין פעריאד פון שארפען בירגער-קריג וועט ס'האנדלען זיך וועגן [illegible] די מאכט [illegible] דעם מאמענט ווען די בורזשו-אזיע איהרע א פארצווייפעלטע קאמף פאר איינהאלטען איהרע פאזיציעס קעגען די פארמען פון פארלאמענטאריזם ווערען א [illegible] אין די הענד פון דער בורזשו-אזיע, פרייע צו רעטען איהר הערשאפט און דערשטיקען דעם פראלעטאריאט. די ווירק-ליכקייט האט באוויזען, אז דאס איז אין דער ווירקליכקייט דאס באוויזען, אז די ראטענמאכט איז יענע פארם, וועלכע קאן זיך איינשטעלען פאר די סאציאליסטישע פראבערונגען און איינהיטען זיי.

ס'איז איבעריג צו דערמאנען, אז דער-מיט האט זיך אונזער קאנפערענץ בשום אופן ניט אפגעזאגט פון פרינציפ פון דע-מאקראטיזם בכלל, אויף אלע צייטען און אלע לענדער. אויף אזא פאזיציע פון אבסאלוטען אפזאג שטעהען אפילו ניט די קאמוניסטען. ניט א פרינציפיעלער אפזאג פון דעמאקראטיזם, נור א פרינציפיעלע אנערקענונג פון דער ראטענמאכט אלס פארם, וואס קאן פארווירקליכען די אמת'ע דיקטאטור פון דער מערהייט פון פאלק, פון אלע ארבייטענדע און אונטערדריקטע אנדערע [illegible], די אמת'ע דעמאקראטיע.

אט דאס איז דער זינען פון אונזער באשלוס וועגען דער ראטענמאכט. און די חברים פון רעכטען צענטער, וואס האבען אראפגענומען דעם לאזונג פון ווייטער אויפשטעלען די פאליטישע דעמאקראטיע, וואס האבען זיך ארויסגעזאגט פאר'ן טע-זיס וועגען דער אומפארמיידליכקייט פון דער ראטענמאכט, זענען געווען גערעכט, ווען זיי האבען ערקלערט, אז פראקטיש ארבייטען אויפ'ן באדען פון דער רעוואלו-ציע וועלען זיי קענען.

— שוואמען. דער גארקאמפראד האט איבערגעגעבען די הייל־אנשטאלטען און די ראטען קיכען א גרויסע פארטיע שוואמען. אין די ראטען קיכען וועט מען עס געבען צו די סופ אנשטאט פלייש.

ביליגע קיכען. אין די ביליגע קיכען ווערען איצט ארויסגעגעבען ארום 3,000 מיטאגען א טאג צו 1 רובל מיט 25 קאפ. א מיטאג. די פארציע באשטעהט פון קרופ, קאשע און א פערטעל פונט ברויט. אין די 3 ביליגע טיי־הייזער ווערען ארויסגעגעבען צו [illegible] פארציעס טעגליך צו 70 קאפ. די פארציע באשטעהט פון א פערטעל פונט ברויט און [illegible]־טיי.

אין די ערנערונגס־פונקטען. די ערנערונגס פונקטען אנטוויקלען א גרויסע ארבייט. יעדען טאג ווערען געשפייזט 8.00 קינדער. זיי באקומען א פינסטעל פונט ברויט מיט א סופ פון גרויפען און מערע. ס'איז איצט באשטימט געווארען א קאנטראל אויף די ערנערונגס־פונקטען.

פאפיר. דער גובפראדקאם האט איבערגעגעבען דעם גארקאמפראד א האלבען וואגאן שרייב־פאפיר אויף צו צוטיילען צווישען דער באפעלקערונג.

— וויין־לאגערן. דער גובפראדקאם האט באשלאסען איבערנעמען די מינסקער וויין־לאגער, די פראגע וועגען איבערנעמען די לאגערען פון מאלאדעטשנע און ווילייקע בלייבט דערווייל אפען.

מאנופאקטור און קעראסין. דער גובפראדקאם האט באשלאסען אנ'אפמאך מיט'ן צענטר; סאיוז וועגען צושטעלען מאנופאקטור און קעראסין.

— סירופ. ס'איז אנגעקומען א נייע פארטיע סירופ און מעלאש. א טייל פון דעם ווערט אפגעשיקט אין ווילנע. די איבעריגע ווערט איבערגעגעבען דעם ראט פון די ארבייטער־קאאפעראטיוען און דעם גארקאמפראד. די סירופ וועט קאסטען ארום 5 ר. א פונט און די מעלאש — ארום 3 רוב. א פונט. דער גובפראדקאם האט אויך אפגעגעבען סירופ און מעלאש דעם סאוונארכאז אויף צו פאבריצירען מארמעלאד און קאנפעקטען.

א צווייטעגיגע פארציע. די קאלעגיע פון גארקאמפראד האט באשלאסען ארויסצוגעבען א צווייטעגיגע פארציע ערנעהרונגס־פראדוקטען פאר די פערזאנען, וואס ארבייטען אין קאמף מיט דער טיפוס־עפידעמיע.

— שטאט־קראמען. דער גארקאמפראד האט באשלאסען צו עפענ'ן סקלאדען פון שרייב־מאטעריאלען און שיך. ביז וואנען מען וועט געפינען פאר דעם פאסענדע קראמען, וועלען זיך די דערמאנטע סקלאדען זיך געפינען אין דער שטאטישער שוך־קראם אויף גובערנאטארסקע גאס און אין דער קראם פון שרייב־מאטעריאלען אויף זאכארעווער גאס. די שטאטישע קראם פון גאלאנטעריי און פארטיגע קליידער ווערען ליקווידירט און די סחורות ווערען איבערגעגעבען אין דער שטאטישער מאנופאקטור־קראם.

— אידישע קורסען. אויף די קורסען צו ערלערנען די אידישע שפראך, ליטעראטור און געשיכטע פאר לערער און אנדערע טוערס אויפ'ן קולטור־געביט, קען מען זיך פארשרייבען טעגליך פון 6 ביז 8 אווענד אין 47־טער שול (וואקזאלסטוועני) אויף פעטראפאוולאווסקע, 33.

— גלאז און פארצעליי־ארבייטער. די ארגאניזאציאנס־אפטיילונג פון מינסקער צ. ב. פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען האט באשלאסען צו רופען אויפ'ן 20 אפריל א צוזאמענפאר פון די ארבייטער אין דער אינדוסטריע פון גלאז און פארצעליי אויף צו ארגאניזירען א פראפעסיאנעלען פאראיין לויט'ן פראדוקציאנס־פרינציפ.

רעדאקטאר־ארויסגעבער
פרומקינא־וייכמאן (אסתר)

ס'ווערט אנגענומען דאס אבאנעמענט אויפ'ן „וועקער" פונ'ם 1־טען אפריל
אין מינסק 10 רובל אחודש אין אנדערע שטעט 12 ר.
מיר בעטען אלע ארגאניזאציעס און די חברים־לעזער אומבאדינגט
אריינצושיקען דאס אבאנעמענט־געלט, ווי אויך די [illegible]
ביז'ן 1 אפריל, כדי עס זאל ניט פארקומען קיין אפהאלט אין ארויסשיקען די צייטונג.
די קאנטאר.

ווער עס וויל לעזען דעם „וועקער"

קען באקומען די צייטונג טעגליך ביי זיך אין דער היים:

פון היינט איז ארגאניזירט געווארען א עקספעדיציע צו פאנאנדערטראגען דער „וועקער" יעדען אבאנענט צו איהם אהיים. ווער עס וויל באקומען די צייטונג אויף אזא אופן, קען מעלדען וועגען דעם אין ארבייטער־היים „בראניסלאוו גראסער" טעגליך פון 7 אווענד.

באברויסק.

חברים, פארשפרייט אייער צייטונג!

חברים! אין יעדער שטעטעל מיזען גלייך געשאפען ווערען „וועקער־קאמיסיעס", וואס זאלען וואס ברייטער פארשפרייטען די צייטונג און שאפען פאר איר א רעגולערע געלד־שטיצע. מ'מוז גלייך זאמלען געלד, איינארדנען „וועקער־אווענדען", פארשפרייטען די „וועקער־מארקעס".

חברים. די צייטונג קען נאר דאן עקזיסטירען, ווען יעדער ארבייטער וועט איר קומען צו הילף.

חברים, פארשפרייט אייער צייטונג!

דער איינקויף־ארגאן פון ראט

פון די פאראייניגטע ארבייטער־קאאפעראטיוען, אין וועלכען עס געהען אריין אויך פארשטעהער פון ראט פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען, בעט אלע פריוואטע פירמען, ארבייטער ארגאניזאציעס, וואס האבען פארצולייגען פארשיידענע סחורות, זיי זאלען זיך ווענדען צום פארוואלטער פון איינקויפס־ארגאן אין קאנטאר פרייהייטס פלאץ נומער 4 (געוועזענע קאנטאר פון עקספאפארט) טעגליך פון 12 ביז 3 א זייגער בייטאג.

פון אפטיילונג פאר סאציאלער פארזארגונג און פאר ארבייטס־שוץ

ביים ארבייטס־קאמיסאריאט פון דער ווייסרוסישער רעפובליק.

ארבייטער און אנגעשטעלטע פון די אונטערנעמונגען, ווערקשטאטען און אנשטאלטען, וועלכע באשעפטיגען ווייניגער ווי 5 ארבייטער און וועמענס אונטערנעמער אדער פארוואלטונגען האבען שוין איינגעטראגען דעם פארזיכערונגס־אפצאל, אויך די דווארניקעס און הויז־דינסטען, פאר וועלכע עס איז שוין אויך אריינגעטראגען געווארען דער פארזיכערונגס־אפצאל, ווערען איינגעלאדען זיך צו מעלדען פון 1־טען מארט טעגליך פון 10 ביז 4 בייטאג אין אפטיילונג פאר סאציאלע פארזארגונג (געוועזענער אקרושנאי סוד 2־טער שטאק 8 טער צימער) אויף אויסצופילען דעם פראגע־בויגען און ארויסנעמען צייגנישען, מיט וועלכע מ'וועט קענען באקומען אלעריליי פארמען פון מעדיצינישער, געלד־ און אויך נאטור־הילף (פראדוקטען, בגדים, וואוינונג און אנד.)

אהן אזעלכע צייגנישען וועט קיין הילף די פארזיכערטע ניט געגעבען ווערען.

די אפטיילונג פון סאציאלע פארזארגונג און ארבייטס־שוץ

מעלדעט די ארבייטער, אז פון 7־טען מארט וועט מען ארויסגעבען הילף די ארבייטסלאזע 7 רובל א טאג פאר א איינצעלנעם און 10 רובל א טאג פאר די, וואס דארפען וועמען שטיצען. דערביי וועט אראפגערעכענט ווערען די שטיצע, וואס מען באקומט אין דער פארם פון מיטאגען, דירה א. ד. ג. מען דארף פריהער אנגעבען א מעלדונג און צולייגען צו איר: 1) א קארטע פון ארבייטס־בירזשע; 2) פאספארט און הויז־ביך און אויך די דאקומענטען פון די, וועמען דער ארבייטסלאזער דארף שטיצען; 3) א באשטעטיגונג פון דעם לעצטען ארט, וואו מען האט געארבייט, אדער א באשטעטיגונג פון פראפ. פאראיין, אז דער ארבייטסלאזער האט ווירקליך פריהער געארבייט אויף א באשטימטען ארט און געהערט צום צעך. אויסער דעם דארפען די מיטגלידער פון פראפ. פאראיין אויך צושטעלען זייער מיטגלידס־ביכעל; 4) א באשטעטיגונג פונ'ם הויז־קאמיטעט, אז דער ארבייטסלאזער איז נויט־באדערפטיג.

די שטיצע וועט ארויסגעגעבען ווערען פאר יעדער פארגאנגענער וואך. די מעלדונגען דארף מען אנגעבען פון 7 מארט אן אין אפטיילונג, ארבייטס־הויז, ביישטער נומער 10 פון 10 ביז 2 בייטאג. כדי אויסצומיידען איבעריגע ארבייט, בעט מען מיטצוברענגען אלע אויסגערעכנעטע דאקומענטען.

נייעס אין דער סאציאל־דעמאקראטישער ליטעראטור!!!
עס דרוקט זיך
און אין גיכען ערשיינט אין דער אידישער איבערזעצונג
דאס לעצטע גרויסע ווערק פון
קארל קאוטסקי
„די דיקטאטור פון פראלעטאריאט
מיט א הקדמה פון חבר אבראמאוויטש.

פרייז 60 קאפ.

פראלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניגט זיך!

דער וועקער

צענטראל-ארגאן פון „בונד" אין ראטען-רוסלאנד.

די רעדאקציע און קאנטאר געפינען זיך: זאכאריעווסקע גאס 54, זאכריזשעווסקי'ס הויז, אריינגאנג אין הויף. די קאנטאר איז אפען טעגליך חוץ שבת פון 10 ביז 4 א זייגער

אדרעס פאר קארעספאנדענצן: Минскъ, редакція (конторъ) „Деръ Векеръ".

ערשיינט טעגליך.

514 Минскъ, 30 Марта 1919 30 מארט זונטאג

ניי'ס פון דער אידישער ליטעראטור

ס'איז ערשינען א נייע ווערק
וועגען קאאפעראציע און קאאפעראטיווען

וואס איז אזוינס
א קאנסום-געזעלשאפט?

פון י. אייזענשטאט (יידין)

ארויסגעגעבען פון מינסקער ארבייטער-קאאפ.
„איינינקייט"
פרייז 50 קאפ.

דער פארקויף אין קאנטאר פון „איינינקייט" יוריעווער גאס נום. 6.

די פארוואלטונג פון ארב. קאאפעראטיוו

„איינינקייט"

איז אריין אין אנ'אבמאך און האט איינגעשטעלט א ספעציעלען בילינגען

פייזן מיט'ן צאן-דאקטאר

וואלקאמיטש

פרעאבראזשענסקע 38

פאר די מיטגלידער פון קאא.-ארבייטער וואס קומען צו איהם היילען די ציינער, פלאמבירען, אד. י. מאכען נייע ציינער.

מ ו ד ע ה.

עס ווערט אנגענומען דער אבאנעמענט אויף די פאלגענדע פעריאדישע אויסגאבען פונ'ם אידישען פארלאג ביים פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג אין ליטע און רייסען

1) חדש'ליכער זשורנאל — „די נייע וועלט"
פאר א יאר — 48 רובל. 6 חדשים — 26 ר. 3 חדשים 12 ר.
אין איינצעל-פארקויף 5 ר. א נומער.

2) צוויי וואכיגער זשורנאל „פאלקס-בילדונג"
פאר 3 חדשים — 6 רוב. אין איינצעלפארקויף 1 ר. א נומער.

3) צוויי וואכיגער קינדער-זשורנאל „גרינינקע ביימעלאך"
פאר 3 חדשים — 3 רוב. אין איינצעלפארקויף 1 רובל 50 קאפ. א נומער.

אדרעס: ווילנע, בריסקע גאס 54 פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג, „אידישער פארלאג".

ארבייטער-קאאפעראטיוו „איינינקייט"

אויף אויסצומיידען די שטאפענעס אין די קראמען, וועט פארקויפט ווערען פראדוקטען לויט דער פאלגענדער טאבעלע.

	די ביכלאך פון נום.	ביז נום.
זונטאג	1	800
מאנטאג	801	1600
דינסטאג	1601	2400
מיטוואך	2401	3200
דאנערשטאג	3201	4100

פרייטאג די וועלכע האבען צוליב וויכטיגע אורזאכען ניט געקענט קומען אין די אנגעצייכענטע טעג.

די קאנטאר פון „איינינקייט"

האט זיך איבערגעקליבען צוזיף יוריעווסקע נומער 6 (אנטקעגען די באנע בירזא) אריינגאנג פון הויף אפען פון 10 פריה ביז 5 אווענד. מעלדונגען ווערען אנגענומען פון 10 ביז 8.

ס'ווערט אנגענומען דאס אבאנעמענט אויפ'ן „וועקער" פונ'ם 1-טען אפריל

אין מינסק 10 רובל אחודש אין אנדערע שטעט 12 ר.

מיר בעטען אלע ארגאניזאציעס און די חברים-לעזער אומבאדינגט אריינצושיקען דאס אבאנעמענטס-געלט אויף די ווייטערע [illegible] ביזן 1 אפריל, כדי עס זאל ניט פארקומען קיין אפהאלט אין ארויסשיקען די צייטונג.

די קאנטאר.

דער פאלקס-קאמיסאריאט פאר ארבייט

פון ליטע און ווייסרוסלאנד לעגט פאר אלע אויזערע ארבייטס-אפטיילונגען צוצושטעלען אין דער אויסער-שטאטישער אפטיילונג (ווילנע, ארבייטס הויז) ניט שפעטער פון 10 אפריל א סמעטע אויף דער ערשטער העלפט פון 1919 יאר. אויב אזא סמעטע וועט ניט צוגעשטעלט ווערען, וועט זיך דער פאלקס-קאמיסאריאט פאר ארבייט אפזאגען ארויסצוגעבען געלד-מיטלען.

שטעל פארטרעטער פון פאלקס-קאמיסאר פון ארבייט נ. סווערדלאוו.
[illegible] פארוואלטער פון דער אויסערשטאטישער אפטיילונג א. ראכלין.
געשעפטספירער [illegible] גריבאס.

די אפטיילונג פון סאציאלער פארזארגונג און ארבייטס-שוץ

מעלדעט, אז די [illegible] יוגען ארבייטס-לוין פאר דער 2 טער העלפט מארט און פון דער הויז-[illegible] פאר'ן גאנצען חודש מארט דארפען צוגעשטעלט ווערען אין דער אפטיילונג (ארבייטס הויז, 2 שטאק, צימער נום. 10) ניט שפעטער פון 4 אפריל. אין די פארזיכערונג-אפצאלונגען — פון 8 ביז 11 אפריל (איינשליסליך).

די פערזאנען, וואס האבען נאך ניט רעגיסטרירט די אפצאלונגען, וואס עס קומט פון זיי ביזן 1 מארט, ווערען איינגעלאדען גלייך עס צו טון, אויב זיי ווילען אויסמיידען, אז די אפצאלונגען זאלען אויסגעמאנט ווערען דורך מיליציע.

באקאנטמאכונג.

דער רעצעפטורען-טיש ביים שטאטישען ערנעהרונגס-קאמיטעט מעלדעט אז ער קלייבט זיך איבער אויף גובערנאטארסקע גאס, הויז נומער 3 (געוועזענער שיך-מאגאזין [illegible]).

[illegible] ווערט באקאנט געמאכט, אז

אויף די רעצעפטען, וועלכע ווערען צוגעשטעלט אין רעצעפטורען-טיש, כדי צו באלייגען פאליקלעך, דארף זיין דייטליך אנגעשריבען דער נאמען, פאמיליע [illegible] פון דעם קראנקען, זיין אדרעס און דער כאראקטער פון דער קראנקהייט [illegible] זיין שטעמפעל פונ'ם דאקטאר.

אזוי ווי דער רעצעפטורען טיש גיט ארויס פראדוקטען בלויז קראנקע ארבייטער און אנגעשטעלטע און אויך קראנקע פון דער ארימער באפעלקערונג, דארף יעדער, וואס וויל באקומען פראדוקטען, צושטעלען א צייגניש פון א פראפעסיאנעלען פאראיין, אז ער איז א מיטגליד פון דעם פאראיין אדער פון דעם בעטרעפענדען פאך, אדער א צייגניש פון א געוויסער איינריכטונג (א פאבריק, א ווארשטאט), אז ער ארבייט דארטען.

אויב דער קראנקער איז אליין ניט קיין ארבייטער אדער אנגעשטעלטער, נאר ער געהערט צו דער פאמיליע פון אן ארבייטער אדער אנגעשטעלטען, דאן דארף ער צושטעלען א צייגניש פון פראפעסיאנעלען פאראיין אדער פון דער איינריכטונג, צו וועלכער דער ארבייטער אדער אנגעשטעלטער געהערט, אז ער ווערט ווירקליך פון איהם אויסגעהאלטען.

4 קראנקע פון דער ארימער באפעלקערונג דארפען צושטעלען א צייגניש פון דער אפטיילונג פאר סאציאלער הילף (האטעל „ארעס" זאכארעווער גאס, נומ. [illegible]) וועגען דעם, אז זיי זיינען ווירקליך ארימע און קענען ניט קויפען די נייטיגע פראדוקטען פאר טייערע פרייזען.

אהן די אנגעוויזענע צייגנישען ווערען קיין פראדוקטען פאר קיין פאל ניט ארויסגעגעבען.

פארוואלטער פונ'ם רעצעפטורען-טיש (אונטערשריפט)

דער וועג צו דערנעהנטערונג.

צווישען אונז זענען פאראן חברים, וואס פארשטעהען אונזער שטענדיגער צורוף צו א איינהייטליכען פראלעטארישען פראנט פשוט ווי א פרימען וואונש פון ווייכהערציגע מענשען. די עקס-רעכטע האבען זעהר ליב אונטערצוהאלטען דעם דאזיגען לאזונג, נור זיי ווילען בשום אופן ניט פארשטעהן, אז אנגעהמען אזא לאזונג הייסט באמת דערנעהנטערען זיך צום פריהערדיגען געגנער, זוכען א געמיינזאמע פלאטפארמע. די עקס-לינקע קוקען אין דער טיפעניש פון זייער הארצען אויף דעם דאזיגען לאזונג מיט גרויס חשד. אבער ביידע מיינען, אז דורכפיהרען איהם אין לעבען הייסט אפ פונ'ם גוטען ווילען פון די צדדים. אויב דער אדער יענער פיהרער וועט וועלען, וועלען מיר האבען שלום. אויב זיי וועלען זיך פארעקשנ'ען, וועלען מיר האבען בירגערקריג אין די ארבייטער-רייהען. ביידע זעהען ניט או די אמת'ע איינהייט פון פראלעטארישען פראנט איז א היסטארישע נויטווענדיגקייט, אז זי קומט אן און ענדגילטיג קלארט זיך ביי אונז אין רוסלאנד, ניט קוקענדיג אויף די גרעסטע מניעות, אפהאלטען, ניט קוקענדיג אויף אלע ווילדע, משונה'דיגע געגענזעצליכע [illegible]

מיר האבען שוין ניט איינמאל קאנסטאטירט, אז אין די אנפיהרענדע קרייזען פון דער הערשענדער פארטיי קומט פאר א ווענדונג. און ניט קוקענדיג אויף אלע וואקלונגען, אויף אלע שרייענדע ווידערשפרוכען אין דער פראקטיק, מערקט זיך דער דאזיגער פראצעס פארט אן. ער פילט זיך אין רעדעס און ארטיקלען פון די אנגעזעהענסטע פארטיי-פיהרער. ער פיהלט זיך אויך אין די באריכטען פון לעצטען קאמוניסטישען צוזאמענפאהר.

אויב די סאציאל-דעמאקראטען שטעהען איצט אויפ'ן באדען פון דער סאציאלער רעוואלוציע, אנערקענען די מעגליכקייט פון סאציאליסטישער בויאונג אין רוסלאנד, אנערקענען די נויטווענדיגקייט פון דער ראטען-דיקטאטור פאר'ן פעריאד פון שארפען בירגערקריג געגען דער בורזשואזיע, — קורץ, אויב מיר זענען נאהענטער געווארען צו די קאמוניסטען, ווערען די קאמוניסטען, פארקערט, נעהענטער צו די סאציאל-דעמאקראטען. זיי הויבען אן אלץ אפענער און אפענער צו אנערקענען די פעהלערען, געגען וועלכע די סאציאל-דעמאקראטיע האט געקעמפט. זיי הויבען אן ארויסצוטרעטען געגען די פעסטערען [illegible] געגען, וועלכע מיר זענען די גאנצע צייט [illegible]

א קאמף צווישען דעם ראדיקאלערען בוכארינען און דעם מעסיגערען — לענין'ען. אבער הערט זיך צו, וואס עס רעדט אפילו דער ראדיקאל בוכארין. ער ערקלערט, פאר וואס מ'איז געצוואונגען געווען צו עקספראפריירען די געברויכס מיטלען פון דער גרויס בורזשואזיע, און זאגט:

„אבער איך וויל דא באמערקען, אז די עקספראפריאציע קען בשום אופן ניט אריבערגעטראגען ווערען אויף דאס קליינבירגערטום. די עקספראפריאציע פון קליינבירגערטום גיט אונז אין עצם גארנישט אין ווירטשאפטליכען פרט, אבער דערפאר איז א הר פאליטישע ווירקונג — די פארביטערונג פון ברייטע קרייזען פון „מיטעלשטאנד-שטוועג" און מיטעלען פויערטום אויף אזוי פיל משונה'דיג, אז דא דארף מען אין אונזער פראגראם קאטעגאריש מעלדען, אז די מעטאדען פון עקספראפריאציע און די עקספראפריאציע גופא פון דער גרויסער בורזשואזיע איז איינס, און די עקספראפריאציע פון קליינעם און מיטעלען קליינבירגערטום ווערט ניט ערלויבט".

איז דאס ניט א שארפע פאראורטיילונג פון דער פאליטיק פון נעכטיגען טאג, וואס לעבט נאך און ווירקט נאך כמעט אומעטום, פון דער פאליטיק פון סתם נאציאנאליזאציעס, עקספראפריאציעס, קאנפיסקאציעס, פון דער פאליטיק פון רואינירען און מאכען פאר בעטלער דעם מיטעלען און קליינעם מענשען? קומט פאקטיש ניט ארויס, אז אין קאמף געגען דער דאזיגער פאליטיק דערלאנגען די ראדיקאלסטע קאמוניסטישע פיהרער די האנד די קריטיקער פון סאציאל-דעמאקראטישען לאגער?

און לענין? וואס זאגט ער בנוגע צו דער פאליטיק אין דארף, וואס איז שוין לאנג ניט געוואגט געווארען אין דער מענשעוויסטישער פרעסע?

„מיר מוזען אויפ'ן צוזאמענפאהר ניט נור באזונדערס באטאנען אונזער נאכגיבענע באציהונג צום מיטעלען פויערטום, אבער אויך א טראכט טון וועגען א גאנצער רייה טעגליכסטע קאנקרעטע מיטלען, וועלכע זאלען אונמיטעלבאר געבען עפיס דעם מיטעלען פויערטום. סיי די אינטערעסען פון זעלבסטערהאלטונג, סיי די אינטערעסען פון קאמף געגען אלע אונזערע פיינד פאדערען אזעלכע מיטלען. אונזערע פיינד ווייסען, אז דער מיטעלער פויער וואקעלט זיך צווישען זיי און אונז, און וועלכע באמיהען זיך אפצוציהען איהם פון אונז".

איז דאס ניט א שארפע פאראורטיילונג פון דער גאנצער פאליטיק אין דארף, פון די שטראפעקספעדיציעס, פונ'ם צוטרייבען די פויערים ראטען, פון אונטערווארפען דאס פויערטום די קאמבעדען?

און צו פארלירט זיך ניט כמעט די גרעניצליניע צווישען לענינען און דער רעוואליוציאנערער סאציאל-דעמאקראטיע, ווען ער זאגט בנוגע צום אלגעמיינעם וואהלרעכט:

„פון אבסאלוטען שטאנדפונקט האבען מיר דאס אפגעהמען וואהלרעכט בשום אופן ניט באטראכט, ווייל טעארעטיש קאן פולקום ערלאזען ווערען, אז די דיקטאטור פון פראלעטאריאט וועט אונטערדריקען די בורזשואזיע אויף יעדען שריט אבער ס'איז מעגליך, זי זאל ניט רוקא אפנעהמען ביי דער בורזשואזיע איהר וואהלרעכט.

און נאך אינטערעסאנטער איז די באציהונג צו דער נאציאנאלער פראגע. בוכארין זאגט — נאציאן — דאס הייסט פראלעטאריאט און בורזשואזיע; קען מען ניט אונטערשטיצען דעם לאזונג פון זעלבסטבאשטימונג פון נאציאנען, ווייל דאס הייסט אנערקענען די בורזשואזיע זעלבסטבעשטימונג. און לענין ענטפערט אויף דעם:

„ביי אונז שטעהט: מ'דארף זיך רעכענען מיט דעם, אויף וועלכער שטופע שטעהט באטרעפענדע נאציאן אויפ'ן וועג פון מיטעלאלטער צו בורזשואזער דעמאקראטיע און פון בורזשואזער דעמאקראטיע צו דער פראלעטארישער דעמאקראטיע. דאס איז אבסאלוט ריכטיג. אפווארפען די זעלבסטבאשטימונג פון נאציאנען און שטעלען די זעלבסטבאשטימונג פון די ארבייטסענדע איז אין גאנצען ניט ריכטיג, ווייל אזא שטעלונג פון דער פראגע רעכענט זיך ניט מיט די שוועריגקייטען, מיט וואס פאר געשלענגעלטע וועגען עס געהט די דיפערענציאציע (די אפטיילונג צווישען פראלעטאריאט און נאציאנאלע בורזשואזיע)".

ער רעדט וועגען די אפגעשטאנענע נאציאנען, וועגען געדולד און פארזיכטיגקייט. ער זאגט: „מיר מוזען שטעלען זאך אזוי, אז די דייטשע סאציאל-פארעטער זאלען ניט קענען זאגען, אז די באלשעוויקעס פינדען אן זייער אוניווערסאלע סיסטעם, וועלכע מ'קען כלומרשט אויף די רויט-ארמייאישע ביקסען אריינטראגען אין אייראפע". און ווייטער: „ס'איז נאך ניט ארויסגעגעבען אזא דעקרעט, אז אלע לענדער זאלען דארפען לעבען לויט דעם באלשעוויסטישען רעוואלוציאנערען לוח, און אויב עס וואלט ארויסגעגעבען געווארען, וואלט ער ניט ערפילט ווערען".

זענען דאס ניט אזעלכע גרונדפרינציפען, אונטער וועלכע ס'וואלט זיך אונטערשרייבען ניט נור א לינקער, נור אפילו א רעכטער סאציאל-דעמאקראט?

און די גדרים וועגען געוויסע געגענדען, וואו דער קאפיטאליזם האט נאך א צייטווייליגע צוקונפט, וואו ס'קען נאך ענטוויקלען זיך א בורזשואזע דעמאקראטיע, אין דער באטרעפענדער ווייך וועגען די חברים, וואס ווילען מאכען פון אינטערנאציאנאל אנ'אלטוועלטליכען סאוונארכאז. (ס'איז אגב אינטערעסאנט צו קאנסטאטירען, אז אין דער קאמיסיע וועגען אינטערנאציאנאל, וועלכע האט געארבייט ביי אונזער קאנגרעס, אין דעם זעלבען טאג, ווען ס'האט זיך געדרוקט לענינ'ס רעדע, האט איינער א חבר מיט דעם זעלבען ווארט כאראקטעריזירט די שטרעבונג פון אייניגע אונזערע לינקע חברים)? דא זעהען מיר, אז די מיינונגספארשידענהייטען צווישען די קאמוניסטען זענען די זעלבע, וואס צווישען די סאציאל-דעמאקראטען.

אז די ליניע פון צוטיילונג געהט שוין ניט צווישען ביידע פארטייען, נור פאראייניגט מיט איינאנדער טיילען פון ביידע פארטייען.

וואס באטייט דאס אלץ?

דאס באטייט נור איינס. אויב אונזערע רעכטע זאגען, מיר זענען נאהענט געווארען צו די קאמוניסטען, זענען די אנגעזעהענסטע קאמוניסטען אויך נאהענט געווארען צו אונז. דער פראצעס געהט פון ביידע זייטען און דאס איז ניט קיין צופאל, דאס איז אנ'אויסדרוק פון א היסטארישען פראצעס. מיר געהען אלע אין איין חדר. אין חדר פון לעבען. ניט גרינג זענען די וועגען. ניט גרינג איז אפזאגען זיך פון פעהלערען. אבער דאס ווערט געטון אין ביידע לאגערען, און ווי שווער, ווי אומפאנגליך שווער עס זאל נאך ניט זיין דער נצחון פון די געזונטע טענדענצען. ווי פיל שטערונגען עס זאלען נאך ניט ליגען אויפ'ן וועג, וויפיל מאל דער ארבייטערקלאס זאל ניט אפגעווארפען ווערען אויף צוריק דורך דער טויטער קראפט פון איינגעגעסענע טראדיציע און געוואוינהייטען — דער וועג איז פארט אנגעמערקט, דער וועג פון ווירקליכער איינהייט און ווירקליכער אחדות.

אין אויסלאנד

דייטשלאנד.

די פראגע וועגען דעם בעלאגערונגס-צושטאנד אין פרייסישען „לאנדטאג".

אויף דער זיצונג פון פרייסישען לאנדטאג דעם 14 מארט איז באהאנדעלט געווארען דער פארשלאג פון די אומאפהענגיגע וועגען אראפנעמען דעם בעלאגערונגס-צושטאנד. מיט א גרויסע רעדע איז ארויסגעטרעטען דער יוסטיץ-מיניסטער היינע [illegible]

געפירט בעלאגערונגס-צושטאנד מיט'ן ציל אפצוהיטען די פרייהייטען און די ערובערונגען פון דער רעוואלוציע, וועלכע עס האט געדראָהט א געפאר מצד די אומאפהענגיגע און די ספארטאקאווצעס.

צו פארטיידיגען דעם פארשלאג האט גענומען א ווארט ארלאף האפמאן (אומאפהענגיגער). אין זיין רעדע האט ער געזאגט: מיר לעבען פאר צו גרינדען א באזונדערע אויספארשונגס-קאמיסיע, וועלכער עס דארפען אריינגעהן [illegible]

פארשונג פון דער פראגע וועגען דעם נאלאגערונגס-צושטאנד זעם קריגס-געריכט אדער דעם יוסטיץ-מיניסטער, וועלכער האט שוין באוויזען זיין אמת'ן פנים. דער שטרייק, וועלכען די ארבייטער האבען ערקלערט, איז געווען דער איינציגער מיטעל פון פאלק צו דערשלאגען זיך זיינע רעכט. די רעגירונג, וואס האט צו פאראנטווארטען איר עקזיסטענץ דעם ראט פון די ארבייטער-דעפוטאטען, האט זיך פארשעמט פאר איר אפשטאמונג און האט אנגעהויבען אונטערצוחנפ'ענען זיך דער בורזשואזיע. די סאציאליזאציע פון דער בערג-אינדוסטריע איז אויך נאר א רעקלאמע פונ'ם אלגעמיינעם שטרייק. איך בין אוועק פון דער רעגירונג, ווייל איך האב ניט געוואלט ארבייטען מיט מענשען, וואס זיינען גרייט צו פארגיסען די בלוט פון די ארבייטער. צוזאמען מיט די ספארטאקאווצעס און קאמוניסטען האבען מיר אומאפהענגיגע געווארנט די רעגירונג, אז זי זאל ניט אנווענדען קיין געוואלד-מיטלען. מיר האבען געוואלט דורכפירען דעם שטרייק אין פולע ארדענונג. נאר די רעגירונג און די קרייזען, וועלכע שטעהען אונטער איר, זיינען געווען פאראינטערעסירט אין דעם, ארויסצורופען מיט דער הילף פון גרויסע פראוואקאציעס א בלוטיגען צוזאמענשטויס. די פראוואקאטארען און די אפיצירען פונ'ם רעגירונגס-מיליטער האבען די ערשטע געשאסען א פייער און דאן האבען די פלאט-דיוויזיע און די מיליציע געמוזט זיך פארטיידיגען. אז אין שטאט זיינען פארגעקומען רויבערייען, איז קיין וואונדער ניט, ווייל אין פארלויף פון 4 א האלב יאר זיינען מענשען געוועהנט געווען צו ראבעווען לויט דער קאמאנדע פון זייערע פירער. מען זאגט, אז אין אויפשטאנד האבען אנטייל גענומען א סך דעזערטירען, נאר צו די דעזערטירען געהערט אויך ווילהעלם דער צווייטער, וועלכער איז אנטלאפען קיין אויסלאנד אויפ'ן ארט פון דעם צו שטארבען אין דער שפיץ פון זיינע סאלדאטען. מיר לעבען ביי אזא בעלאגערונגס-צושטאנד, וועלכען קיין פארלאמענט אין דער וועלט וואלט ניט ערלויבט. די רעגירונג פארמאכט נאך אלץ צייטונגען אהן קיין שום געגרינדעטע אורזאכע. דער יוסטיץ-מיניסטער היינע וואלט אפילו געוואלט פארמאכען די „רויטע פאן", אויב דאס וואלט געלינגען. צום סוף האט האפמאן געזאגט, אז די פאראייניגונג פון פראלעטאריאט וועט פארקומען אויסער זיינע פיהרער, וועלכע האבען איהם אין ענגסטען מאמענט פארראטען.

אין דאסעלדארף.

דאסעלדארף, 15 מארט. דער ראט פון ארבייטער-דעפוטאטען אין דאסעלדארף האט זיך געווענדעט צו דער רעגירונג אין ווימאר מיט דער פארדערונג, גלייך אראפצונעהמען דעם בעלאגערונגס-צושטאנד און ארויסצופיהרען פון דאסעלדארף דעם רעגירונגס-מיליטער.

(ראסטא).

די רעוואלוציע אין אונגארן.

מאסקווע, 25 מארט. די רוסישע קאמיסיע צו זארגען וועגען די קריגס-געפאנגענע, וועלכע די אנטאנטע האט ארעסטירט אין אונגארן, איז דעם 23 מארט באפרייט געווארען דורך דער אונגארישע ראטען-רעגירונג. נעכטען איז די קאמיסיע אנגעקומען אין בודאפעשט. מעלדענדיג וועגען דעם, בעט בעלאקון צו באפרייען די אונגארישע קאמיסיע צו זארגען וועגען די קריגס-געפאנגענע, וועלכע איז ארעסטירט געווארען אין מאסקווע. ווייטער מעלדעט בעלאקון, אז די אינערליכע לאגע פון דער נייער ראטען-רעפובליק איז א גוטע. די ראדיא-טעלעגראמעס, וואס ווערען געשיקט פון מאסקווע, באקומען זיך אין אונגארן פינקטליך.

(ראסטא).

דער יום-טוב פון דער רעוואלוציע.

בודאפעשט, 24 מארט. זונטאג בייטאג איז פארגעקומען די ערשטע אפענע פארזאמלונג פון דער אונגארישער סאציאליסטישער פארטיי, אויף וועלכער ס'זענען געקומען אונצעהליגע פראלעטארישע מאסען. [illegible] „זאלען לעבען די אונגארישע ראטען". מיט רעדעס זענען ארויסגעטרעטען דער פארזיצער פון דער אונגארישער ראטען רעגירונג און דער פאלקס קאמיסאר פאר אויסערליכע ענינים — בעלא-קון. צום סוף פון דער פארזאמלונג האט דער רומענישער סאלדאט באיקאר געמעלדעט וועגען דער באוועגונג פון דער רומענישער רויטער גווארדיע אין רומעניען, כדי אראפצווארפען די הערשאפט פון די פאמעשטשיקעס און די קעניגליכע מאכט.

(ראסטא).

קריגס-צושטאנד אין בודאפעשט.

נויען, 25 מארט. די אונגארישע רעגירונג האט ערקלערט בודאפעשט אין קריגס-צושטאנד.

(ראסטא).

ארעסטירט א מיניסטער.

בודאפעשט, 25 מארט. לויט דער פארארדענונג פון דער אונגארישער ראטען-רעגירונג איז זונטאג אין אייגענס ארעסטירט געווארען דער פריערדיגער אונגארישער מיניסטער-פרעזידענט א. וועקערלע.

(ראסטא).

אין לאגער פון דער אנטאנטע.

די אנטאנטע און די געשעהענישען אין אונגארן.

ליאן, 25 מארט (א ראדיא פון דער אמעריקאנישער פרעסע-ביורא). היינט האט דער העכסטער קריגס ראט פון דער אנטאנטע באהאנדעלט די אונגארישע פראגע. מ'האט דעבאטירט וועגען דעם, ווי צו פארריכטען די זאך. דאך איז ביז איצט גארניט באוואוסט וועגען דעם, וואס פאר א מיטלען עס זענען אנגענומען געווארען. די איבערקערעניש אין אונגארן באווייזט דעם באנקראט פון די אנטאנטע מלוכה-פירער און זייער אונפעהיקייט צו באאיינפלוסען די וועלט-אונרוהען.

ווייטער באשולדיגט די אמעריקאנישע ראדיא טעלעגראמע די פראנצויזישע מלוכה-פירער און די פראנצויזישע פרעסע, אז זיי טראגען אויף זיך א גרויסען טייל פאראנטווארטליכקייט פאר די אלע געשעהענישען. דאך האלט מען, אז די אונגארישע רעוואלוציע וועט האבען א גוטע ווירקונג, — זי וועט פארגיכערן דעם שליסען שלום.

אין איצטיגען מאמענט, זאגט זיך אין דער טעלעגראמע, זענען אלע מסכים, אז מען קען אויסקלייבען נאר איינע פון די צוויי ליניעס, וואס זענען באטראכט געווארען אין קריגס-ראט. איינע לעגט פאר צו אנערקענען דעם באלשעוויזם און אנצושטרענגען אלע כחות אנצושירען מיט איהם כדי אויסצונוצען זיינע פאזיטיווע זייטען און מאכען אונשעדליך זיינע נעגאטיווע זייטען. די צווייטע לעגט פאר צו ערקלערען רוסלאנד מלחמה. וועלכע פון די ביידע ריכטונגען וועט זיגען, קען מען נאך ניט זאגען. איצט האט מעהר שאנסען די ערשטע ריכטונג.

* * *

ליאן, 25 מארט. די אמעריקאנישע פרעסע ביורא טעלעגראפירט פון פאריז קיין ניו-יארק:

זונטאג, דעם 23 מארט האט ווילסאן צוזאמען מיט לאיד זשארזש מיט'ן אנטייל פון פאלקאווניק האוס באהאנדעלט די פראבלעמען פון איצטיגען מאמענט, וועלכע מוזען גלייך געלייזט ווערען צוליב די אונגארישע געשעהענישען.

אינ'ם זעלבען טאג איז פארגעקומען א בעראטונג פון די 3 מיניסטער-פרעזידענטען מיט'ן אנטייל פון מארשאל פאש. די בעראטונג וועט פון איצט אן פארבייטען דעם גרויסען ראט פון די צעהן מלוכות.

די באשלוסען פון דער באראטונג זענען ניט באוואוסט. דער איינדרוק איז דער, אז די געשעהענישען אויפ'ן מזרח וועלען צווינגען אנצונעמען אקטיווע מיטלען.

(ראסטא).

די פרייען-פראגע אויף דער שלום-קאנפערענץ.

פאריז, 20 מארט. דער גרעסטער טייל פון דער לעצטער זיצונג פונ'ם העכסטען ראט איז געווען געווידמעט דעם פארטראג [illegible]

פוילען א רע־ענס פעהיגע מלוכה. לויט'ן פראיעקט [illegible] פוילען זיין גרעסער ווי אין 1739 יאר. [illegible] איז שייך א צוגאנג צום ים וועט דאס דערגרייכט ווערען דורך פאַ־אייניגען צו פוילען די טעריטאריע [illegible] אויף [illegible] פון [illegible] ווייסעל ביז דאנ־[illegible] דורך דעם, וואס פוילען וועט [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] דער [illegible] [illegible] ווארשע [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] צאשלוס. (ראסטא).

די פא[illegible] [illegible] פון בעלגיען.

פאריז. [illegible] מארץ. [illegible] [illegible] רונגען וואס [illegible] [illegible] [illegible] דער [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] בא[illegible] א סומע [illegible] אויף א מיליארד [illegible] 6 [illegible] [illegible].

(ראסטא)

די משעכא־סלאוואקישע רעגירונג אין דעמיסיע.

וויען, 25 מארט. די משעכא־סלאוואקישע רעגירונג [illegible] זיך אנגעגעבען אין דעמיסיע.

(ראסטא)

אין פוילען.

אין ווארשע.

(איבערגעגעבען דורך א חבר).

די ארבייטסלאזיגקייט אין ווארשע איז אומגעהויער גרויס. כמעט טאג־טעגליך קומען פאר דעמאנסטראציעס פון ארבייטסלאזע, וועלכע פאדערן ברויט און ארבעט. אדער—ערלויבען זיי אוועקפארען קיין פראנקרייך, בעלגיען, אפילו אין דייטשלאנד. אין דעמאנסטראציע, וואס איז פארגעקומען פאר דער וואוינונג פונ'ם פרעמיער מיניסטער, פאדערעווסקי, האט איהם ניט געלאזט גיין אויף דער זיצונג אין סיים. ער האט פאר דער הונגעריגער מאסע „בריווער ארבעטער" געהאלטען א דרשה מיט מליצות און צוזאגונגען אויף שפעטער, אבי מ'זאל זיין געדולדיג און ווארטען. דער פרעמיער האט אבער געהאט ווייניגער געדולד; גלייך נאכדעם האט ער ארויסגעשיקט אויף די הונגעריגע ארבייטער־מאסען פויט־הוזארן, וועלכע האבען די דעמאנסטראציע אכזריות'דיג צעטריבען.

צוליב ד. וואס דער מאגיסטראט פארקלענערט סדר די סובסידיע פאר די ארבעטער־קיכ'ן ביי דער צענטראל־ביורא פון די יודישע פראפעסיאנעלע פאראיינען, האט די ווירטשאפט־קאמיסיע ביים צ. ב., וועלכע פלעגט ארויסגעבען ביז 3 טויזענד ביליגע מיטאגען א טאג, אפגעשטעלט איהר הילפס־טעטיגקייט און איינגעשטעלט א זעלבסטהילף, וואס דארף געפירט ווערען אהן א דעפיציט. („אונזער שטימע")

אין אוקראינע

ניקאלאיעוו, [illegible] מארט. דער שטאב [illegible] [illegible] ארמיי האט באקומען פון [illegible] א [illegible] פון [illegible] א ראדיא־טעלעגראמע, אין וועלכער ער לעגט פאר אפצו[illegible] [illegible] די דייטשע סאלדאטען, וואס זענען נאך געבליבען אין ניקאלאיעוו. [illegible] [illegible] [illegible] די פער[illegible] [illegible], די באגלייטער [illegible] האט געענטפערט, אז די דייטשע [illegible] האבען מכבים געווען [illegible] זיך אהיים [illegible] ראטען־רוס־לאנד און זאגען זיך [illegible] צו פארען [illegible] ים. (ראסטא)

אין [illegible].

קיעוו, 25 מארט. [illegible] איז ערקלערט געווארען א [illegible] אין צייטווייליגע מאביליזאציע פון די ארבייטער.

— פעטליורא[illegible] וואס זענען אנטלאפען פון קאראסטען, גיבען איבער, אז דאס [illegible] אינגאנצען צעבראכען. די ראטען־[illegible] ארבייטער, קאמוניסטען האט מען אכזריות'דיג געפייניגט.

(ראסטא)

[illegible] [illegible] [illegible].

קיעוו, 25 מארט דאס ראטען מיליטער [illegible] זיך [illegible] ווערסט פון דער שטאט [illegible].

די [illegible] פון די דרום מערב־[illegible] [illegible] האט באקומען ידיעות, אז אין [illegible] שטאט פון ארעס, 2 ווערסט [illegible] [illegible] אין [illegible]. [illegible] פון די ארבייטער [illegible] [illegible] [illegible] אריין אין [illegible] [illegible] [illegible] פון די [illegible].

(ראסטא)

פאר[illegible] אין [illegible].

[illegible], 20 מארט. [illegible] [illegible] דורך [illegible] א [illegible] [illegible] [illegible] וואס [illegible] [illegible] [illegible] אין לע[illegible] [illegible] געזאמלטע [illegible], וואס [illegible] [illegible] [illegible] קיעוו כדי צו [illegible] פון [illegible] [illegible] אפטיילונגען.

אין [illegible] [illegible], וואס עס [illegible] זיך די [illegible] [illegible], קומט פאר אין ראסטאוו א [illegible]. עס ווערען [illegible] די [illegible] [illegible] מיטלען פאר דער עוואקואציע.

(ראסטא)

דער קריגס־רעוו אין ניקאלאיעוו.

ניקאלאיעוו, 24 מארט. די ראטען־ארמיי האט פארכאפט אין ניקאלאיעוו 2 באטערעס מיט ביקסען, רעוואלווערען און קוילען. אין די סקלאדען האט מען געפונען 3 גוטע [illegible] הארמאטען, ביי 2 מיליאן קוילען, א סך פראזעקטא־ען, [illegible] [illegible] [illegible], 2 [illegible] [illegible] 00 [illegible] אין אנדערע [illegible]. [illegible] [illegible] די פארבינדעטע ביים [illegible] [illegible] געווארען אין [illegible] א [illegible] [illegible] ארבייטען [illegible] [illegible] צוזאמקומען די ארי[illegible] [illegible].

— [illegible] די [illegible] וואס האבען זיך באקומען אין קיעוו, האבען זיך אין ני-

[illegible] פארט אפגעשטעלט כמעט פארענדיגטע 1 דרעדנאוטס און 2 קרייצערס. (ראסטא)

די אוקראינישע ס. ר. און די [illegible] [illegible].

קיעוו, 6 מארט. דא האט זיך פארגעקומען דער טעקסט פון א רעזאלוציע פון צ. ק. פון די אוקראינישע ס. ר. צו דער דירעקטאריע, אין וועלכער עס רעדט זיך וועגען דער נויטיגקייט איבערצורייסען די אונטערהאנדלונגען מיט דער פראנצויזישער מיליטער־קאמאנדע און אנצוהויבען אונטערהאנדלונגען מיט ריסלענדער ראטען־רעגירונג, אויפ'ן גרונד פון אנערקענען די זעלבסטשטענדיגקייט פון דער אוקראינישער רעפובליק. דער צענטראל־קאמיטעט פון די אוקראינישע סאציאל־דעמאקראטען לעגט פאר דער דירעקטאריע צו ארגאניזירען א מיניסטאריען־קאבינעט פון די אוקראינישע ס. ד. און אוקראינישע ס. ר. פון צ. [illegible]. אין פאל, אויב די דירעקטאריע וועט זיך אפזאגען צו ערפילען די פאדערונגען, נעמט די פארטיי פון די אוקראינישע ס. ד. ארויס פון זיך יעדע פעראנטווארטליכקייט פאר'ן ווייטערדיגען גאנג פונ'ם קאמף פאר דער אוקראינישער רעפובליק. (ראסטא)

אין „אנער" פון די ווייסע.

טשערניגאוו, 25 מארט. אין געגענד פון פעראסלאוו און וולאדיסלאוויק זענען פארגעקומען איבערשטאנדען פון דער מאביליזירטער באפעלקערונג.

אין יעקאטערינאסלאוו, נאוואראסייסק און אין ארמאוויר האבען זיך אפגעשטעלט אלע אונטערנעמונגען, וואס ארבייטען מיט נאפט.

צוליב דעם, וואס עס האט זיך אפגעשטעלט דער צופיר פון נאפט פון גראזנע, האט זיך פארמאכט דער יעקאטערינאסלאווער זאוואד, דער גרעסטער אין [illegible]. די ארבייטער פון א סך אונטערנעמונגען זענען געבליבען אהן ארבייט.

[illegible], 2[illegible] מארט, די לאגע פון ארבייטער־קלאס אין באקוער ראיאן איז זעהער א שווערע. די ענגלישע פאליציי לייט האלטען אין מאכען אויסקען און ארעסטען צווישען די ארבייטער. מען זוכט רעוואלוציאנערען, און אויב מ'געפינט, הענגט מען. אין בראנלאווער טורמע זענען ארעסטירט אלע אהן אויסנאם פארשטעהער פון אלע סאציאליסטישע פארטייען, וואס האבען ניט באוויזען ארויסצופארען פון באקו. (ראסטא)

[illegible] ביים דעם נאפטען.

ווינניצע, 26 מארט. ווי עס מעלדעט צייטונג „אדעסקי ליסטאק" האט די דייטש־קאמאנדע פון דער פרייוויליגער ארמיי [illegible] אנגעהויבען די פריי־[illegible]גע ארמיי „רוסישע" ווייל די ארמיי וועט אויף ווייטער צוזאמענגעשטעלט ווערען ניט דורך דער פרייוויליגער סיסטעם, נאר דורך מאביליזאציע.

(ראסטא)

איבער'ן לאנד.

ערנעהרונגס־אפטיילונגען.

מאסקווע, 25 מארט. די קריגס־ערנעהרונגס־ביורא האט אוועקגעשיקט אין פארשיידענע גובערניעס 210 ערנעהרונגס־אפטיילונגען פון 6060 ארבייטער. א העלפט פון דער צאהל האבען געגעבען די אונטערנעהמונגען פון מאסקווער גובערניע. א פערטעל—די פאבריקען און זאוואדען פון מאסקווע. עס זענען מארשרוט־ארגאניזירט געווארען ביי 40 פארטייעס צו 5 פערזאן יעדע פון ארבייטער ספעציאליסטען און רעמאנט, וועלכע זאלען מיטפארען מיט די מארשרוט־צוגען, וואס פירען פראדוקטען, פיי אכטונג צו געבען אויף די צוגען אויף די קנוט סטאנציעס וואס פאראייניגען מאסקווע, ווארא[illegible] מיט סאמאר—און כארקאוו.

(ראסטא)

צאריצין, 25 מארט. אין ראיאן אויף יענער זייט וואלגע וועט דורכגעפירט א גרויסע ארבייט ביים איינארדנען פלאנטאציעס. עס וועט דורכגעפירט א רעגיסטראציע פון דער דארפישער באפעלקערונג, אויף פלאנטאציע־ארבייטען. אלע ערטער, וואס ווערען פארטרוקנט, וועלען פארזייעט ווערען מיט קארטאפעל, קרויט און פאמידארען.

(ראסטא)

די עפידעמיע אין ציפער[illegible].

לויט די אפיציעלע מאטעריאלען, וואס זענען פאראן אין קאמיסאריאט פאר פאלקס־געזונדהייט, זענען פון אנהויב 1919 יאר געוועזען אין דער רעפובליק 1778[illegible] פאלען פון פלעק טיפוס. פון דעם אין יאנואר 8453[illegible], אין פעברואר—74[illegible], און אין דער ערשטער העלפט פון מארץ [illegible] 64[illegible] פאלען.

פאר'ן לעצטען חודש זענען אנגעקומען ידיעות וועגען פלעק־טיפוס אויף אוקראינע, דערהויפט אין כארקאווער און פאלטאווער גובערניעס. פאר פעברואר און מארט באמערקט זיך עפידעמיע א פארקלענערונג פון די עפידעמישע קראנקהייטען אין ארלאווער, טולער און מאסקווער גובערניעס. דעם ערשטען ארט לויט דער צאהל קראנקען־פאלען פארנעמט נאך אלץ מאסקווע, וואו אין פעברואר זענען געווען 10.3[illegible] ערקראנקונגען און [illegible] טיפוס פאלען.

פון די פראנטע.

פראנט־באריכט פון 27 מארט.

צפון־פראנט. אין פינעגער ראיאן האבען אונזערע טיילען, א בערגעהענדיג צום אנגריף, פארנומען נאך א הארטען קאמף סאראמטקאיע, 25 ווערסט דרום־מזרח'דיגער פון פינעגע, שטארק־אפעסטיגטע פאזיציעס ביי דער אזערע פאליאנסקאיע, 16 ווערסט דרום'דיגער פון דער שטאט פינעגע.

מערב־פראנט. אין פינשאער ראיאן געהט שלאכטען מיט א ערפאלג, דא פאר איינעם, דא פאר'ן צווייטען צד.

אין מאריענבורגער באסיין זענען די רויטע לעטישע טיילען אונטער'ן דרוק פון שונא צוריקגעגאנגען אויף די ארויסגאנגס־פאזיציעס.

אין פאנעוועזשער ראיאן זענען די רויטע ליטווישע טיילען צוריקגעגאנגען אויף 20 ווערסט צו מזרח פון פאנעוועזש. דרום'דיגער פארנעמען זיי פאזיציעס 6 ווערסט מערב'דיגער פון ווילקאמיר.

אין לידער ריכטונג האבען די רויטע טוויילישע טיילען פארנומען דוואראזעצקיע, נאוועלנא, דיאטלאווא, 30 ווערסט מזרח'דיגער פון נאוואגרודאק. אין בארנאוויטשער ריכטונג האבען די רויטע ווייסרוסיש־ליטווישע טיילען דעם 25 מארט פארנומען באראנאוויטש.

דרום־פראנט. אין דאנעצער ראיאן האבען מיר נאך א הארטען קאמף פארנומען די סטאנציע קינדראשעווקא און א רייהע ישובים, 12 ווערסט דרום'דיגער פון דער סטאנציע שטעראווקא.

מזרח־פראנט. אין אוראלסקער ראיאן האט אונזער קאוואלעריע פארנומען עטליכע ישובים אויס'ן טייך אורטא, 75 ווערסט דרום'דיגער פון ארענבורגער טראקט. אין ארסקער ראיאן האבען אפגעשלאגען דעם אנגריף פון שונא אויף אונזערע פאזיציעס, 50 ווערסט מזרח'דיגער פון ארסק. אין סטערליטאמאקסקען ראיאן, אורטאוימסקער ריכטונג, איז אונזער מיליטער קאמפאניע צוריקגעגאנגען צום קאנאניקאלער זאוואד. אופימער ראיאן. מזרח'דיגער פון דער בעלעבייער אייזענבאן־ליניע האבען זיך אונזערע אפטיילונגען ע[illegible] וואס פארויסגערוקט. אויף דער בוגולמינסקער אייזענבאן־ליניע זענען אונזערע אפטיילונגען אונטער'ן דרוק פון שונא צוריקגעגאנגען אויף 0 ווערסט, צפון'דיגער האט דער שונא פארנומען א ישוב אויס'ן טייך איקא. אין מענזעלינסקער ראיאן האט אונזערע א אויסשפירונגס־אפטיילונגען פארנומען קאאווענבעטאווא און פיאני באר אויס'ן טייך קאמא. אין פערמער ראיאן, צפון'דיגער פון דער אייזענבאן זענען אונזערע אפטיילונגען אונטער'ן דרוק פון שונא צוריקגעגאנגען צום סאל פון טייך אשא, מערב'דיגער פון דער סטאנציע קווימא.

(ראסטא)

פון'ם פראנט־באריכט פאר'ן 28 מארט.

מערב־פראנט. אין נארוועער ראיאן, 15 ווערסט דרום'דיגער פון נארווע האט דער שונא עטוואס צוריקגעשטופט אונזערע טיילען. נאר דורך קאנטר־אטאקעס איז צוריקגעשטעלט געווארען די פריהערדיגע לאגע. אין פסקאווער ראיאן, פסקאווער ריכטונג גרייסען און אונזערע אפטיילונגען צו דרום פון דער אייזענבאן־ליניע. אין מארקענבורגער ראיאן זיינען די רויטע לעטישע טיילען אינטער'ן דרוק פון שונא צוריקגעגאנגען אויף דער ליניע פון פסקאווער שאסיי. אין ריגער ראיאן — אהן ענדערונגען. אין ווילנער ראיאן האבען מיר אפגעשלאגען פיינדליכע אטאקעס צפון'דיגער פון ווילקאמיר. לידער ראיאן: ביי נאוואגרודאק האט די רויטע ווייסרוסיש־ליטווישע טיילען אפגעטראגען דעם פלאץ א[illegible] יעלניה. אין בארנאוויטשער ריכטונג ווערט פארגעזעצט אונזער אנגריף צו מערב פון באראנאוויטש.

די לאגע אויפ'ן צפון־פראנט.

דווינסק, 25 מארט. אויפ'ן מאריענבורגער מלחמה־פלאץ האט די ראטען־ארמיי אפגעשטעלט דעם אנגריף פון די ווייסע ביי מיזע ראיאוואינסקא.

(ראסטא)

א ווענדונג פון ח. טראצקי צו די פויערים

דער פאַרזיצער פון רעוואלוציאנערען קריגס־ראט פון דער רעפובליק ח. ל. טראצקי האט זיך געווענדעט צו די פויערים מיט א אויפרוף, אין וועלכען עס זאגט זיך צווישען אנדערען:

די פיינד פון די ארבייטענדיגע מאסען פון רוסלאנד האבען זיך געגרייט מיט'ן אנקומען פון פריהלינג אנצופאלען אויף אונז. אויסער דעם אנגריף אויף אלע פראנטען האבען זיך די פיינד פון רוסלאנד גערעכענט אויפצוהויבען א אויפשטאנד אינוועניג אין לאנד.

דער אויפשטאנד איז פון די ווייסע גווארדייצעס, די אגענטען פון אנטאנטעשען קאפיטאל, צוגעגרייט געווארען אויס'ן 12 מארט, אינ'ם טאג פון צווייטען יארצייט פון דער רעוואלוציע.

אין די הענד פון דער ראטען־רעגירונג זענען פאראן א סך טעלעגראמעס און אנדערע דאקומענטען, וואס באווייזען קלאר דעם גאנצען פלאן פונ'ם אויפשטאנד. ער האט זיך געזאלט אנהויבען אויף די וויכטיגסטע אייזענבאן־פונקטען, ווי בריאנסק, לגאוו, ליסקי, רטישטשעווא, סיזראן א. ז. וו. מיט דעם האט מען גערעכענט צו צושטערען די וויכטיגסטע אייזענבאנען, אפשניידען פעטראגראד און מאסקווע פון ברויט־צופיר און אויף אזא אופן אויסמארען צענטראל־רוסלאנד מיט הונגער און קעלט.

גלייכצייטיג מיט דעם האבען די אויסלענדישע אימפעריאליסטען געווארפען זיך אריינרייסען אין לאנד דורך פיר טויערן: אויף צפון, מזרח, דרום און מערב. כדי נאך מעהר צו פארגרינגערן דעם אנפאל האבען די אגענטען פון די אימפעריאליסטען געדארפט אויפהויבען בינטען אין רויט־ארמייאישע אפטיילונגען.

דער פלאן איז דורכגעפאלען. די רויטע ארמיי איז געבליבען טריי דעם ארבייטער־קלאס און דעם ארבייטענדיגען פויערטום. עס האט זיך זיי נאר איינגעגעבען אויפצובונטעווען ניסטיגע און ניט טויגענדע טיילען, וועלכע האבען שוין אפגעגעבען די געוועהר. דעם אנגריף פון די אויסלענדישע אימפעריאליסטען האט זיך אויך ניט איינגעגעבען.

דאס זעלבע איז געשעהן מיט די אויפשטאנדען פון די קולאקעס. זיי זענען אויסגעבראכען אין 2—3 ערטער, האבען זיך אבער ארויסגעוויזען אלס נישטיגע און זענען שוין אונטערדריקט. די שולדיגע זענען דערשאסען.

חברים, ארבייטענדיגע פויערים! אייערע פיינד, די פאמעשטשיקעס און קאפיטאליסטען, ווילען אייך ארייננציהען אין א אויפשטאנד געגען דער מאכט פון די ארבייטער און פויערים. היט זיך פון זיי, גלויבט זיי ניט.

די צענטראלע רעגירונג ווייס וועגען דער שווערער לאגע פון ארבייטענדיגען פויערטום. צוליב דער מלחמה, וואס מיר מוזען פירען, געגען די פאמעשטשיקעס, מוזט איהר א סך ליידען. פארגעסט אבער ניט, אז שולדיג אין דער מלחמה זענען די אלטע אונטערדריקער פון פאלק. די ראטען־מאכט איז אייער מאכט. זי וועט אלץ טאן צו פארבעסערן די לאגע פון די פויערים.

דער אויפרוף ענדיגט זיך מיט א ווענדונג צו די פויערים צו העלפען דער רויטער ארמיי און די שטאטישע ארבייטער ענדגילטיג צו דערשטיקען די קאנטר־רעוואלוציע.

מינסקער לעבען

— מאבילִיזאציע. ס'ווערען גערופען צו ווירקליכער מיליטער דינסט אין דער רויטער ארמיי אלע ראדיא־ספעציאליסטען, וואס זיינען געבארען געווארען פון 1873 ביז 1898. עלעקטרא־מעכאניקער (מאטאריסטען) און אלע, וואס האבען געארבייט ביים ראדיא־טעלעגראף, דארפען זיך מעלדען דעם 30־טען מארט צום וואָ־אינסקען נאטשאלניק. די, וואס וואוינען אין די אויעזדען, דארפען זיך מעלדען דעם 7־טען אפריל.

— וועגען די עקסטרע רייזעס. אין גוביאיענרעווקאם קומען אן מאסען ביטעס וועגען ארויסגעבען ערלויבענישען אויף צו פארען. אנדערע פארלאנגען ניט קיין באזונדער ארט, נור זיינען גרייט צו פארען אבי ווי. די מעלדונגען צוזאמען מיט דער באשטעטיגונגען, וואו ס'ווערט אנגעוויזען דער ציעל פון דער רייזע, ווערען אנגענומען פון 11 ביז 3 בייטאג. אויף מארגען אין דער זעלבער צייט באקומט מען אן' ענטפער.

מלוכה־קאנטראל. דעם 27־טען מארט איז פארגעקומען א בעראטונג וועגען מלוכה־קאנטראל, אויף וועלכער חבר עראטאוו־סלוצקי האט ערקלערט די באדייטונג פון דער מלוכה־אינספעקציע און אויף וויפיל ס'איז וויכטיג, אז דאס פאלק אליין זאל קענען דורך זיינע פארשטעהער אלעס קאנטראלירען.

ס'איז אויסגעקליבען געווארען א קאמיסיע פון 12 פערזאן, אין וועלכער ס'געהען אריין פארשטעהער פון דער קאמוניסטישער פארטיי, צ. א. ק. און צ. ב. פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען. די קאמיסיע וועט זיך צוטיילען אויף 4 אונטער קאמיסיעס צו קאנטראלירען די פאליטישע טעטיגקייט, די ווירטשאפטליכע און אדמיניסטראטיווע ארבייט פון די ראטען־איינריכטונגען.

— א לעקציע. היינט אווענד וועט אין ווייסען זאל פארקומען א לעקציע וועגען דער אגרארען פראגע.

— א זיצונג. היינט 7 אזייגער וועט אין גראסער־קלוב פארקומען די זיצונג פון מינסקער קאמיטעט פון בונד.

אינראט (צ. ב.) פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען.

אויף דער זיצונג פון ראט פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען, דעם 27 מארץ איז באשלאסען געווארען צו דעלעגירען אויפ'ן צוזאמענפאר פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען, פון ליטע און ווייסרוסלאנד וואס וועט פארקומען אין ווילנע דעם 1 אפריל פאלגענדע חברים: ב. מייבערג, א. רומאנאוו, מ. בלעכער און קריניצקי.

אויף דערזעלבער זיצונג האט דער פארשטעהער פון דער אפטיילונג פון סאציאלער פארזארגונג אין ארבייטס־קאמ. חבר א. ווייסשטיין געגעבען אין אלגעמיינע שטריכען א בילד פון דער ארבייט, פון דער אפטיילונג, וועלכע איז איינגעטיילט אין 5 אפטיילונגען.

די זאך איז א נייע און א שווערע, מינסק איז די ערשטע שטאט, וואס האט געמוזט איינצופירען אזא סיסטעם פון ארבייטער פארזיכערונג. אין אנדערע שטעט עקזיסטירען נאך די קראנקען־קאסעס. די פארזיכערונג, וואס איז דא איינגעפירט, כאפט ארום דעם גאנצען ארבייטער־לעבען; די פאמיליע פונ'ם ארבייטער איז אבער ניט באזארגט: זי באקומט נור מעדיצינישע הילף, אבער קיינע אנדערע אונטערשטיצונגען. אין וועגן דער פארזיכערטער שטארבט, גיט די אפטיילונג נור אויף די הוצאות פון דער לויה. אויף דער איבערגאנגס צייט, ביז וואנען די מלוכה וועט איינארדנען א רעגולמעסיגע שטיצע פאר אלע נויטליידענדע, דארף דער געזעץ באזארגען, אז די אפטיילונג זאל אויך קענען שטיצען דעם פארשטארבענעם פאמיליע.

די בעסטע פארם פון אונטערשטיצונגען וואלט געווען ניט מיט מזומן, נור מיט פראדוקטען: איצט איז עס זעהר שווער, אט ווייל די אפטיילונג איינארדנען א אינטערנאט פאר קינדער, וואו זיי זאלען זיך געפינען. ווען מען זאגט זיי אפ פון דער שטעלע קומט עס אן מיט גרויסע שוועריגקייטען.

ח' איזראעל גיט אפ א באריכט פון דער פינאנס־אפטיילונג. די טעטיגקייט ליידעט פיל פון דעם, וואס די ארבייטער זענען שלעכט ארגאניזירט און וואס מ'פעלען באשטימטע טאריפען. איצט האט די אפטיילונג צעטיילט די אפצאלונגען אין 5 קלאסען, וואס צאלען פון 9 ביז 38 פראצענט פון די שכירות, אפהענגיג פון דער געפערליכקייט פון דער ארבייט, ביי וועלכער דער פארסטראכירטער איז באשעפטיגט. יעדער קלאס איז ערשט צעטיילט אויף 3 טיילען לויט די באדינגונגען פונ'ם ארבייטס־פלאץ. דערביי איז אויך גענומען געווארען אנ'אויסנאם פאר דינסטען און מינדער־יעריגע.

צוליב די אומרוהיגע קלאגען, האט מען די לעצטע וואך ווייניג געצאלט. איצט קומען די אפצאהלונגען מעהר.

די אפטיילונג האט שוין פארסטראכירט ביי 20 טויזענד ארבייטער אין 2100 אונטערנעמונגען. די אפצאלונגען וועלען דארפען דערגרייכען ארום 2 מיליאן רובל א חודש. די ארבייטער און די פאראיינען וועלען מוזען מיטהעלפען, אז די אונטערנעמער זאלען זיך ניט ארויסדרעהען.

חבר'טע דאקטאר מייבערג גיט אב א באריכט פון דער מעדיצין אונטער־אפטיילונג: די פריהערדיגע אמבולאטאריע ביי דער קראנקען־קאסע איז פארבעסערט געווארען און דערצו איז מען אריין אין אן אפמאך מיט איניגע דאקטוירים, אז זיי זאלען צונעמען די פארסטראכירטע ביי זיך אין דערהיים.

קריגען דאקטוירים, וואס זאלען פארען צום פארסטראכירטען אהיים קומט אן זייער שווער. אפילו דאקטוירים זאגען זיך אפ. די חבר'טע דאקטאר ר. גינזבורג, וואס האט אונערמיידליך געארבייט איז אליין קראנק געווארען. ס'זיינען ניטא קיין פערד אויף ארומצופארען צו די חולאים און די פורליים ווילען אויך ניט פארען.

(ענדע מארגען)

לעצטע נייעס.

די רעוואלוציע אין אונגארן.

בודאפעשט, [illegible] מארט. לויט א דעקרעט פון דער אונגארישער ראטען־רעגירונג ווערט איינגעפירט אלגעמיינע ארבייטס־פליכט און רעכט אויף ארבייט. די מלוכה איז זיך מחייב אויסצוהאלטען אלע, וואס ווילען ארבייטען.

וויען, 28 מארט. די אונגארישע רעגירונג האט ארויסגעגעבען א באפעל וועגען ארגאניזירען א רויטע ארמיי, וועלכע דארף באשטעהן אויסשליסליך פון ארבייטער.

וויען, 28 מארט, די אונגארישע רעגירונג האט ארויסגעגעבען א באפעהל, לויט וועלכען אלע האנדעלס־אונטערנעמונגען, אויסער דער האנדעל מיט עסענווארג, אפטייקען, אפזייך־סקלאדען און דער ביכער־האנדעל, ווערען רעגיסטרירט און געשטעלט אונטער'ן מלוכה־קאנטראל.

(פעלאראסטא)

בודאפעשט, [illegible] מארט, אויף א בעראטונג פון אלע באפאלמעכטיגטע פון דער געוועזענער קאמוניסטישער פארטיי האט בעלא קון אנגעוויזען, אז איצט איז געקומען דער מאמענט, ווען ס'זענען נויטיג איינהייטליכע רעוואלוציאנערע מעשים כדי גלייך דורכצופירען די סאציאליזאציע איז נויטיג די איינהייט פון אלע רעוואלוציאנערע פארטייען. די פארזאמלונג האט איינשטימיג באשלאסען, אז די קאמוניסטישע פארטיי גיסט זיך צייטווייליג ענדגילטיג צונויף מיט דער סאציאליסטישער אונגארישער פראלעטארישער פארטיי.

(ראסטא)

אין פאנד פון „וועקער"

געזאמעלט דורך די ח״ח שאיעוויטש און מאיראוויטש. דערפאר וואס ח' פראשינסקי, בארנאוויטש, האט געזונגען לידער: מאיראוויטש, טורעצקי צו 20 רוב. אלטשולער 15 ר. ביטענסקי 13 ר.

ס״ה 68 ר.

פון ח' סאשקע נאוואגרודסקי פון א וועט 20 רוב.

רעדאקטאר־ארויסגעבער

פרומקינא־ווייכמאן (אסתר)

ניי עס אין דער סאציאל־דעמאקראטישער ליטעראטור !!!
עס דרוקט זיך
און אין גיכען ערשיינט אין דער אידישער איבערזעצונג
דאס לעצטע גרויסע ווערק פון
קארל קאוטסקי
„די דיקטאטור פון פראלעטאריאט
מיט א הקדמה פון חבר אבראמאוויטש.

פרייז 60 קאפ.

פראלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניגט זיך!

דער וועקער

צענטראל-ארגאן פון „בונד" אין ראטען-רוסלאנד.

די רעדאקציע און קאנטאר געפינען זיך: זאכאריעווסקע נומ. 54, זאקרזעווסקי'ס הויז, אריינגאנג אין הויף
די קאנטאר איז אפען טעגליך חוץ שבת פון 10 ביז 4 אזייגער

אדרעס פאר קארעספאנדענצען: Минскъ, редакція (конторъ) „Деръ Векеръ"

— ערשיינט טעגליך. —

[illegible] חדשים 28 ר. [illegible] חדשים 30 ר.
[illegible] 60 ק.

מאנטאג, 31 מארט 1919 Минскъ, 31 Марта 515

מודעה.

עס ווערט אנגענומען דער אבאנעמענט אויף די פאלגענדע פעריאדישע אויסגאבען פונ'ם אידישען פארלאג ביים פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג אין ליטע און רייסען

1) חדש'דיקער זשורנאל „די נייע וועלט"
פאר א יאר—48 רובל. 6 חדשים—26 ר. 3 חדשים 12 ר.
אין איינצעל-פארקויף 5 ר. א נומער.

2) צווייוואכיגער זשורנאל „פאלקס-בילדונג"
פאר 3 חדשים—6 רוב. אין איינצעלפארקויף 1 ר. א נומער.

3) צווייוואכיגער קינדער-זשורנאל „גרינינקע ביימעלאך"
פאר 3 חדשים—3 רוב. אין איינצעלפארקויף 1 רובל 50 קאפ. א נומער.

אדרעס: ווילנע, גרייסע גאס 54 פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג, „אידישער פארלאג"

ארבייטער-קאאפעראטיוו „איינינקייט"

אויף אויסצומיידען די שפארענס אין די קראמען, וועט פארקויפט ווערען פראדוקטען לויט דער פאלגענדער סקאלע.

	די ביכלאך פון נומ.	ביז נומ.
זונטאג	1	800
מאנטאג	801	1600
דינסטאג	1601	2400
מיטוואך	2401	3200
דאנערשטאג	3201	4180

פרייטאג די וועלכע האבען צוליב וויכטיגע אורזאכען ניט געקענט קומען אין די אנגעצייכענטע טעג.

די קאנטאר פון „איינינקייט"

האט זיך איבערגעקליבען צויף יוריעווסקע נומער 6 (אנטקעגען די באנע ביורא) אריינגאנג פון הויף אפען פון 10 פריה ביז 5 אווענד. מעלדונגען ווערען אנגענומען פון 10 ביז 8.

נייס אין דער אידישער ליטעראטור

ס'איז ערשינען א נייע ווערק וועגען קאאפעראציע און קאאפעראטיוון

וואס איז אזוינס קאנסום-געזעלשאפט?

פון י. אייזענשטאט (יודין)

ארויסגעגעבען פון מינסקער ארבייטער-קאאפ. „איינינקייט"

פרייז 50 קאפ.

דער פארקויף אין קאנטאר פון „איינינקייט" יוריעווער גאס נומ. 6.

די פארוואלטונג פון ארב. קאאפעראטיוו

„איינינקייט"

איז אריין אין אנ'אבמאך און האט איינגעשטעלט א ספעציעלען ביליגען פרייז מיט'ן צאן-דאקטאר

וואלקאמיטש

פראָאבראושענסקע 38

פאר די מיטגלידער פון קאאפעראטיוו וואס קומען צו אידם היילען די ציינער פ.אמבירען, אר.. מאכען נייע ציינער

קאמפלעקטען „וועקער"

פאר דער צייט פון דער קאנפערענץ (די דעבאטען, רעזאלוציעס א. א.) קען מען באקומען אדער איינשרייבען פון קאנטאר פון „וועקער" מינסק זאכאריעווסקע 54.

פרייז 5 רובל.

די קאנטאר.

מיט [illegible] פון דעם פלוצלינגען טויט פון [illegible]

הענע אקסעלראד,

וואס האט מיט מסירת נפש געארבייט פאר דעם ארבייטס-לאזען פראלעטאריאט, דריקען אויס דעם [illegible] מיטגעפיהל דער פאמיליע פון דער פארשטארבענער די מיטארבייטער פון דער אפטיילונג פון רעגיסטראציע און פינאנציעלונג פון דער ארבייטס-קראסע.

די מיטארבייטער פון דער אפטיילונג.

אונזער טיפען טרויער דריקען מיר אויס איף דעם פלוצלינגען טויט

פון אונזער פאטער **יהודה ציטמאן,**

וועלכער איז געשטארבען דעם 10 שבט ה. י. אין סלוצק

מיר בעטען די [illegible] און ברודער קומען צו אונז אין ראמני, פאלטאווע גוב.

חיים און תרצה ציטמאן.

העכער די פלאמען.

א חבר האט געזאגט אין א דיסקוסיע: „סאציאליזם [illegible] מיר געהען אויס פון הונגער".

יא, מיר הונגערן, מיר פרירען, מיר קרענקען, מיר שטארבען פון עפידעמיעס. יא, די [illegible] לעבען [illegible] א חורבן, מיר [illegible] און [illegible] אריסטאקראטיע [illegible] באשטערטע [illegible] אונזערע [illegible] שלעכטע [illegible] קינדער [illegible] באפרייונג.

[illegible] אונזערע [illegible]

[illegible]

און [illegible] וועלען אויפבלאזען די גאלדענע טויערן פון גן עדן. ס'וועט זיך עפענען די נייע וועלט, דאס קעניגרייך פון ליבע און גליק. „סאציאליזם איז ברוט"... אלע [illegible] וועלען זיך ערפילען. זאטקייט, צופרידענקייט, שלום וועט זיך ארויפלאזען אויף דער וועלט. בליץ שנעל וועלען אלע ביקסען און הארמאטען איבערגעשמידט ווערען אין אקעראייזענס. בליץ שנעל וועט די וועלט ווערען פאנייס, פאנייס פון אויבען ביז אראפ.

אזוי האבען מיר געטרוימט אין די קינדערשע יאהרען. [illegible] האט געקלערט, למשל, [illegible] פראבלעמען, וואס וועלען שטעהן פאר א סאציאליסטישער מאכט? ווען מען איז איינגעפאלען פארצושטעלען זיך, אז ס'וועט אויסקומען צו זוכען קינסטליכע מיטלען צו קעמפען געגען דער געפאלענער פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט?

אבער אונזער דור איז באשערט געווען נישט נור [illegible] דער סאציאלער רעוואלוציע, נור איבערלעבען זי. און מיר האבען דערזעהן אז ס'איז ניט נור א פאנייס-ערטער, זעלבס-פארגעסענער מאמענט פון גייסטער העלדענשאפט, אז דאס זענען חדשים און יאהרען, א קייט מאמענטען—גרויסע און קליינע, שעהנע און גראע. אז מ'דארף ניט נור זיין גרייט אומקומען אין היץ פון שלאכט, אפגעבען דאס לעבען אין א מינוט, נור אפגעבען דאס לעבען טראפען פאר טראפען; דורך ניט דעסען און פרירען, דורך אוממענשליכער אנשטרענגונג אין גראער, וואכענדיגער, טאג טעגליכער ארבייט. אז ס'האנדעלט זיך ניט וועגען אין ענטשלאסענער רגע, נור יעגט איבערלעבען די ביטערע, גיפטיגע פיין פון מפלית, פונם שונא'ס צייטווייליגען נצחון. אז ס'האנדעלט זיך ניט אלעמאל וועגען געהן מיט קלארע, פון פריהער באשטימטע, שארף אנגעצייכענטע ליניעס, נור וועגען זוכען בלאנזען, טאן פעהלערן און פאריכטען זיי. וועגען דורכהאקען זיך דעם וועג צווישען געדיכטע פון אקטעגע דערנער. אז דאס הימלישע קעניגרייך פון דער צוקונפט שטעהט ניט א פארטיגע פון די שבעה ימי בראשית צו, ווי דער לויתן מיט'ן שור הבר, און ס'איז גענוג בלויז אפרוקען די טויערן. נור עס וועט נאך אויסקומען צו בויען אידם. בויען ציגעל פאר ציגעל אויפ'ן חורבן פון דער אלטער וועלט און אויך זוכענדיג, בלאנזענדיג, מאכענדיג פעהלערן און פאריכטענדיג זיי.

פאלען מענשען אריין אין יאוש. דוכט זיך זיי: אפגענארט האבען זיי די יוגענד-טרוימען. דוכט זיך זיי ס'איז נאך ניט צייט.

אבער צי קענען אריינפאלען אין יאוש די, וואס האבען פריהער אויך געהונגערט, אויך געפרוירען, וואס זייער לעבען איז פריהער אויך געווען א קייט פון יסורים נור מיט א צוגאב פון שקלאפעריי דערצו? צי קענען אריינפאלען אין יאוש די וואס האבען יאהרהונדערטער געטראגען קייטען און זענען אצט פריי געווארען? צי קענען אריינפאלען אין יאוש די מיליאנען אונטערדריקטע און פערשקלאפטע, וואס זענען שוין לאנג געוויינט צו ליידען. אבער פאר וועמענס אויג עס ברענט זיך פאנאנדער דער הימעל?

ניין, אזעלכע קענען זיך נישט מיאש זיין. זיי פיהלען די נפקא מינא צווישען נעכטען און היינט. זיי ווייסען, אז נעכטען האבען זיי געליטען, כדי עס זאלען געניסען גליק און פרייד זייערע אונטערדריקער, און היינט ליידען זיי, כדי אליין דורכצורייסען זיך צום גליק און פרייד. זיי ווייסען, אז נעכטען זיינען זיי געווען שקלאפען און היינט האלטען זיי זייער גורל אין זייערע אייגענע הענד.

הונגער, קעלט, עפידעמיעס, דחקות, יסורים. אלץ ריכטיג. אבער אלץ העכער פלאקערן די פלאמען. אלץ גנעהענטער איז דער סוף. און אלע יסורים, אלע דחקות ווערען קליין און נישטיג אין פארגלייך מיט דער גרויסער און שטאלצער האפנונג, וואס שטארקט זיך און וואקסט אין די הערצער.

זעהט די נייס פון די לעצטע פאר טעג. די רעוואלוציע אין אונגארן. דער אויפשטאנד אין גאליציען. די געשעהענישען אין פראנקרייך, וואו די סאציאליסטישע פארטייען טרעטען צוזאמען ארויס מיט דעם לאזונג — די מאכט די ראטען. און וואו ס'פאלען איינע נאך דער אנדערער פעסטונגען פון דער קאנטר-רעוואלוציע — אומעטום דאס זעלבע, אומעטום שלאגט העכער און העכער דער פייער, אומעטום רויסט דער שטורעם, אומעטום שליסען זיך צוזאמען די רייהען פון דער רעוואלוציע.

העכער די פלאמען! קיין ארט פאר יאוש און פארצווייפלונג! דארף מען געדולד, וועלען מיר זיין געדולדיג. דארף מען גראָע וואכעדיגע ארבייט — וועלען מיר טון גראָדע וואכעדיגע ארבייט. דארף מען הונגערן און פרירען — וועלען מיר הונגערן און פרירען. דארף מען שטארבען — וועלען מיר שטארבען.

ווייל פון אונזערע קברים וועלען מיר זינגען.

סיי ווי סיי זינגען...
העכער די פלאמען!

די עלפטע קאנפערענץ פון בונד.

מארגענזיצונג דעם 21 מארט

עס ווערען פארעפענטליכט די רעזאָלוציעס צו דער פראגע וועגען ווייטער אויסשטעלען דעם אינטערנאציאנאל.

ח. אסתר לייענט די רעזאָלוציע, אויסגעארבייט פון לינקען בלאק (שפעטער אין דער קאמיסיע זענען אין איר אריינגעטראגען געוויסע פארענדערונגען). ח. ספיקאָווסקי לייענט די רעזאָלוציע פון צענטער („וועקער" פון 27 מארט). ח. לעוויט די רעזאָלוציע פון די רעכטע („וועקער" פון 25-טען מארט).

די נאָמענטליכע אפשטימונג גיט פאלגענדע רעזולטאטען. פאר דער רעזאָלוציע פון לינקען בלאק שטימען:

קראסינסקי (וויטעבסק), נארבאצקי (קאנאָטאפ), נאָכימסאן (ווילנע), ראזענבלום (פאלאצק), [illegible] (מאהילעוו), אזבער, וויינשטיין, פרומקין, רומאנאוו, לעווין (מינסק), ליב, העגעשטיין, טאבאכשניק (קלעצק), גארעצ[illegible] (דווינסק), קאצענבאגען (באבריסק), [illegible] בערמאן (סאמארע און אומע), [illegible] (סמאלענסק), זלאטקין (באריסאוו), גארעלי[illegible] (מאזיר), שקאלניקאוו, זאליפסקי (האמעל), לעווינסאן, ראבינאוויטש (בארא[illegible]), קאמינסקי (יעקאטערינאסלאוו), ס.ה. 27.

פאר דער רעזאָלוציע פון צענטער שטימען ארשאנסק (האראדאק), אייגינ[illegible], שקלאָוו, קלייט פיפס (ווילנע), שערמאן (ריגע), קרעמער (קירענעץ), אשפיז, ליטוואק (יעקאטערינאסלאוו), ספעקטאר (קיעוו), געזענציווי, שפיצער (האמעל), דראפקין (מאסקווע), ליפאָווסקי, ביזנסקי (בארא[illegible]ווייטש), פערסקי (גארקאָוו), טערמאן אי. יודענע, ס.ה. 16.

פאר דער רעכטער רעזאָלוציע האבען געשטימט:

גערציק (מינסק), גורוויטש (פענזע), ראזענטאל (באברויסק), זשעלעזניאקאוו (קיעוו), ס"ה 4.

אפגעהאלטען האבען זיך די חח' מינדעל, נאָוויקאוו (ווילנע) און גענקין (האָמעל), אלע דריי פון לינקען פליגעל.

אלס באזיס ווערט אויף אזא אופן אנגענומען די רעזאָלוציע פון לינקען בלאק. זי ווערט איבערגעגעבען אויף באארבייטען אין א קאמיסיע פון 7 חברים: לעווין, רומאנאוו (לינקער פליגעל), אסתר, וויינשטיין (לינקער צענטר), ליטוואק, סעמקאווסקי, סוויעטיצקי (רעכטער צענטר).

[illegible] איבער צו דעם פונקט וועגען אידישע פראגען.

א.ס.ט[illegible] מ'דארף מודה זיין אז די לאגע פון א רעפערענט אין דער פראגע איז זעהר שווער. ס'איז שווער צו געבען פלענער אין אזא [illegible], אז אין לעבען פיהלט זיך א מוראדיגע [illegible]. ערגיץ איז דער קולטור-[illegible] חורבן ניט געווען אזוי גרויס ווי אויף דער אידישער גאס. ערגיץ פיהלען זיך אזוי ניט די חסרונות און שוואכע זייטען פון א [illegible] רעזשים, ווי אויף דער אידישער גאס.

מיר האבען אין רוסלאנד א קאנסטיטוציע, וואס שטעלט אויף די [illegible] פון די ארבייטער. וואס פאר [illegible] די [illegible] האבען [illegible] פונדעסטוועגען ארויס אין נאמען פון דער גרעסטער מערהייט פון פאלק אין נאמען פון די ארבייטער און פון ערים באסען. די בילדונג. ארבייט און אלגעמיין רוסלענדער מאסשטאב איז אן ארבייט, וואס איז געבויט אויף [illegible] פון שאפען א פראלעטאריש-סאציאליסטישע קולטור, קונסט, אוניווערזיטעט א. א. וו. [illegible] פארמעל שטעהט די פראגע וועגען קולטורעלער שאפונג פון פאלאנד. דער ארבייטערקלאס נעמט ניט די אויפגאבע פון בויען די קולטור אויף זיך אליין, אויף דער מינדערהייט פון פאלק. מיר ארבייטען פאר'ן מארגען, ווען קיין קלאסען וועלען ניט זיין. עס בויט זיך א סאציאליסטישע קולטור, וואס איהר אידעע איז ניט דווקא פראלעטארישע קלאסען-קולטור, נור ברייטע קאלעקטיוויסטישע שאפונג פון די ברייטסטע ארבייטענדע פאלקס-מאסען, פון אלע אונטערדריקטע און פארשקלאפטע. פאר דער ריין פראלעטארישער שאפונג ווערען אייגענארדענט באזונדערע ארגאניזאציעס פראלעט-קולטען, וועלכע ארבייטען אויסנאם. אויף דער אידישער גאס איז קיין פיערטום ניטא.

אין אויב אין אלגעמיין-רוסלענדער מאסשטאב שפילט ניט אזא גרויסע ראליע, ווען די ארעמע אנדערע קאטעגאריע אין שטאטישער קליינבירגערטום האט נישט קיין פאליטישע רעכט, ווייל זיי ווערען בכלל בטל בששים אין די מוראדיגע פויערשע מאסען, באקומט דאס אויף דער אידישער גאס גאר אן אנדער באדייטונג.

(ענדע פון פארטראג מארגען)

* * *

אין אויסלאנד

דייטשלאנד.

נויען, 27 מארס, דעם פלענום פון בערלינער ראט האט אין א טעלעגראמע באַגריסט דעם זיג פון אונגארישען פראלעטאריאט, די בילדונג פון א ראטען-רעפובליק. דער בערלינער ראט זאגט צו מיט אלע מיטלען צו שטיצען דעם אונגארישען פראלעטאריאט און פירען דעם קאמף ביז דער צייט, ביז וואנען עס וועט ניט זיין געזיכערט דער ענדגילטיגער זיג פון סאציאליזם אין אלע לענדער.

נויען, 27 מארס. אין דער דייטשער רעגירונגס-פארזאמלונג, ביי א א בערפולכטען זאל האט שיידעמאן ערקלערט וועגען די שלום-באדינגונגען, וואס די פאריזער קאנפערענץ האט אויסגעארבייט פאר דייטשלאנד, אז ספא איז ערגער פאר בריסק, ווייל די פארהאנדלונגען אין ספא ווייזען, אז בריסק האט גארניט אויסגעלערנט.

(ראסטא)

דייטשלאנד און רוסלאנד.

נויען, 27 מארס. די דייטשע פרעסע פירט א פראפאגאנדע פאר באנייען די באציהונגען צווישען דייטשלאנד און ראטען-רוסלאנד, כדי צו שאפען א קאמוניסטישען געגענגעוויכט דעם אימפעריאליזם פון דער אנטאנטע. דער קאמוניזם האט פאראייניגט אונגארן געגען די אינטערדריקער און פיינד, דאסזעלבע דארף אויך געשעהן מיט דייטשלאנד.

(ראסטא)

א נייער קאבינעט אין פרייסען.

נויען, 26 מארס. אין פרייסען האט זיך געבילדעט א נייער קאבינעט פון סאציאליסטען און פון די בירזשואזע פארטייען.

(ראסטא)

פראנקרייך.

פישאן וועגען רוסלאנד.

פאריז, 27 מארס. פישאן האט אין פארלאמענט געהאלטען א רעדע וועגען דער פאליטיק בנוגע צו רוסלאנד. ענטפערענדיג די סאציאליסטישע רעדנער, וואס האבען קריטיקירט די מיטלען געגען רוסלאנד, האט פישאן אנגעוויזען, אז דער ווירקליכער שלום וועט מעגליך זיין נאר דעמאלט, ווען עס וועט געלייזט ווערען די רוסישע פראגע און עס וועט ענדגילטיג אויסגעראטען ווערען די געפערליכע נעסט פון באלשעוויזם. צום סוף פון זיין רעדע האט נאך פישאן געזאגט, אז עס האנדעלט זיך ניט וועגען אריינרייסען זיך אין רוסלאנד, נאר וועגען דורכציהען א קארדאן מיט'ן ציל ניט צו דערלאזען, אז דער באלשעוויזם זאל זיך ווייטער פארשפרייטען.

(ראסטא)

די רעוואלוציע אין אונגארן.

ארבייטער-קאנטראל אין די גרויסע אונטערנעמונגען.

בודאפעשט, 27 מארס. דער רעוואלוציאנערער ראט פון דער אונגארישער ראַטען-רעפובליק האט פארעפענטליכט א דעקרעט וועגען דער צייטווייליגער פארוואלטונג און דעם ארבייטער-קאנטראל אין די אינדוסטריעלע, בערג און טראנספארט-אונטערנעמונגען. שטעלענדיג זיך די אויפגאבע איבערצוגעבען די פראדוקציאנס-מיטלען אין די הענד פון די ארבייטער, צו ארגאניזירען די פראדוקציע און צו פארגרעסערען די פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט, ערקלערט די ראטען-רעפובליק פאר געזעלשאפטליכען אייגענטום אלע אינדוסטריעלע, בערג און טראנספארט אונטערנעמונגען, מיט אויסנאם פון די קליינע, וואס באשעפטיגען ווייניגער פון 20 ארבייטער. די אלע אונטערנעמונגען ווערען גלייך געשטעלט אונטער דער פארוואלטונג פונ'ם פראלעטאריאט און אונטער'ן קאנטראל פון די ארבייטער פון דער באטרעפענדער אונטערנעמונג.

די אונטערנעמונגען ווערען פארוואלטעט פון פראדוקציאנס-קאמיסארען, וועלכע ווערען באשטימט פון פאלקס-קאמיסאר איבער דער פראדוקציע. אלע ארבייטער און ארבייטערינס פון דער אונטערנעמונג, וואס זענען שוין אלט 18 יאהר, קלייבען אויס א ראט אויף צו קאנטראלירען די ארבייט. די וואהלען צום ראט זענען געהיימע, אויב דאס פאדערן ניט ווייניגער ווי א פערטעל פון אלע ארבייטער. די אנגעשטעלטע רעכענען זיך אויך פאר ארבייטער.

דער קאנטראל-ארבייטער-ראט דארף איינשטעלען א ארבייטס-דיסציפלין, אפהיטען דאס אייגענטום פון ארבייטסגעריכטען פאלק און אכטונג געבען אויף דער פראדוקציע. אויסער דעם ווערען נאך פעריאדיש קאמאנדירט אינספעקטארען, וועלכע האבען די אויפזיכט איבער דער טעכנישער און עקאנאמישער זייט פון די אונטערנעמונגען. אויב ס'קומט פאר א קאנפליקט צווישען ארבייטער-ראט און דעם קאמיסאר פון דער אונטערנעמונג, מאכט דער פאלקס-קאמיסאריאט פון סאציאלער פראדוקציע גלייך וועגען דעם א אויספארשונג און ערקלערט זיין באשלוס, וואס איז אבליגאטאריש פאר ביידע צדדים.

ביז'ן באשלוס פון פאלקס-קאמיסאריאט דארפען די פארארדנונגען פון קאמיסאר ערפילט ווערען.

(ראסטא)

די לאגע אויף דער פראווינץ.

בודאפעשט, 27 מארס. די גרויסע איבערקערעניש אין אונגארן געהט דורך אין דער פראווינץ אין פאלשטענדיגער ארדנונג. אין א סך אונגארישע שטעט האבען זיך געבילדעט ארבייטער-פארזאמלונגען. אויף די פעלדער און אין די קוילען-גרובען ווערט די ארבייט פארגעזעצט. אין 27 ערטער האבען זיך געבילדעט ארבייטער און פויערים-ראטען.

(ראסטא)

אונגארן און דייטש-עסטרייך.

בודאפעשט, 27 מארס. די פארשטעהער פון די אונגארישע רעוואלוציאנערע ראטען דאקטאר אלעקסאנדער באלגאר און סאנדארסעניא האבען איבערגעגעבען דעם פרעזידענט פון דער דייטש-עסטרייכישער נאציאנאל-פארזאמלונג, קארל זייטץ, זייערע באגלויבונגס-פאפירען, דערביי האבען ביידע צדדים אויסגעדריקט זייער זיכערקייט, אז די באציהונגען צווישען אונגארן און דייטש-עסטרייך וועלען בלייבען פריינדליכע.

(ראסטא)

אפ'קלאנגען פון די אונגארישע געשעהענישען.

ליאן, 23 מארס. אין וויען איז פארגעקומען א מיטינג-[illegible]-דעמאנסטראציע פאר אונגארישער רעגירונג.

(ראסטא)

אין לאגער פון די אנטאנטע.

פארוואס איז נאך ניט פארטיג דער שלום-אפמאך.

ליאן, 27 מארס. דער הויפט-אפהאלט, פארוואס ס'איז נאך ניט פעסטגעשטעלט דעם שלום-אפמאך, איז צוליב דעם, וואס די קאמיסיע וועגען מלחמה-היזקות האט נאך ניט צונויפגעקליבען אלע מאטעריאלען וועגען דער פינאנציעלער און עקאנאמישער לאגע פון טערקיי, בולגאריע, ווי אויך פון דעם טייל טעריטאריעס, וואס האט זיך אפגעשטעלט פון דער געוועזענער עסטרייך-אונגארישער מאנארכיע. די ניי-געבילדעטע מלוכות וועלען אויך דארפען טראגען א טייל פון די קריגס-היזקות.

(ראסטא)

די רוסישע פראגע אויף דער שלום-קאנפערענץ.

ליאן, 29 מארס. אויף דער שלום-קאנפערענץ האט דער ראט פון די פיר מלוכות ניט געקענט קומען צו קיין הסכם וועגען דער רוסישער פראגע. די אמעריקאנער און ענגלאנדער זיינען כמעט גרייט צו פירען אונטערהאנדלונגען מיט'ן ראטען-רוסלאנד. פראנקרייך און איטאליע זיינען פארקערט אין א געגענזעצליכער מיינונג.

(ראסטא)

דער טשעכא-סלאוואקישער מיניסטעריען קאבינעט ניט אין דימיסיע.

פאריז, 28 מארס. די פרעס-ביורא פון דער טשעכא-סלאוואקישער דעלעגאציע אויף דער שלום קאנפערענץ לייקענט אפ די ידיעה וועגען דער דימיסיע פון קראמארזשס קאבינעט.

(ראסטא)

אין אוקראינע.

ווינניצע, 27 מארס. אין ראיאן וואפניארסקע—בערלאד האט אויסגעבראכען אנ'אויפשטאנד. דער קריגס-רעוואלוציאנערער קאמיטעט באשטעהט פון פארשטעהער פון די קאמוניסטען, לינקע ס. ר.'ען און אומאפהענגיגע סאציאל-דעמאקראטען.

פיל מיליטער-אפטיילונגען, אויך די גאליצישע, זענען צוגעשלאגען צו די אויפגעשטאנענע. דער קריגס-רעוואלוציאנערער קאמיטעט האט געשיקט קיין וויניצע דעלעגאטען צו פירען אונטערהאנדלונגען מיט די פארשטעהער פון דער ראטען-מאכט און צו שליסען אנ'אפמאך אויף פאלגענדע באדינגונגען: די גאנצע מאכט די ראטען, אומאפהענגיקייט פון דער אוקראינישער ראטען-רעפובליק; געמיינזאמער קאמף צוזאמען מיט די אנדערע ראטען-רעפובליקען געגען דעם אלוועלטליכען אימפעריאליזם.

(ראסטא)

ניקאלאיעוו, 27 מארס. צווישען ניקאלאיעוו, כערסאן און נאמענקא איז צוריקגעשטעלט געווארען א רעגולערע אייזענבאן-פארבינדונג.

ווי מען מעלדעט פון סעוואסטאפאל איז דארט פארגעקומען אנ'אלגעמיינע ארבייטער-שטרייק מיט דער פאדערונג צו באזייטיגען די פרייוויליגע.

(ראסטא)

יעקאטערינאסלאוו, 28 מארס. פאר דער לעצטער צייט איז פון יעקאטערינאסלאווער גובערניע אפגעשיקט געווארען קיין גרויס-רוסלאנד 564 וואגאנען מעהלען. די אויסערארדענטליכע קאמיסיע אויף פונאנדערצעטיילען די דאָנעצער קוילען האט אפגענומען אין רשות פון דער באהייצונגס-קאמיסיע 1 מיט א האלבע מיליאן פוד קוילען.

(ראסטא)

דער אויפשטאנד אין פאדאלער גוב.

קיעוו, 26 מארס. דער אויפשטאנד אין פאדאלער גובערניע פלאקערט זיך פונאנדער. אין מאגיליאוו-פאדאלסק האט זיך געבילדעט א ראט, וועלכער האט ערקלערט די שטאט אין קריגס-צושטאנד. אין צוזאמענהאנג מיט'ן אויפשטאנד רוקט זיך די ראטען-ארמיי אין די גרענעצען פון פאדאליער גובערניע כמעט אהן שטרויגען.

(ראסטא)

אנ'ארבייטער פאליק.

קיעוו, 26 מארס. אויף אפצוהיטען די רעוואלוציאנערע ארדנונג אין קיעוו ווערט פארמירט א פאלק פון ארבייטער און פויערים.

פון אוקראַיִנישען פראָנט.

דער קאַמף פאַר אָדעס.

קיעוו, 28 מאַרס. פון [illegible] קוועל [illegible] מען, אז די מיליטער [illegible] האָבען ארומגערינגט [illegible] פון אַלע זייטען. הארט נעבען אָדעס איז נעכטען [illegible] געקומען א הארטער קאַמף צווישען די אויפגעשטאַנענע ארבייטער און [illegible] מיליטער, נאָר נאָך איידער [illegible] קאַמף האָט זיך געענדיגט, [illegible] די פאַרבינדעטע אפגעטראָטען און אנגעהויבען אין דער גיך צו עוואַקויִרען אָדעס [illegible] פרייוויליגע, וואָס זענען געבליבען [illegible] צעלאָפען זיך.

אין שעפעטאָווקער און זשיטאָמירער ריכטונגען האָבען א ציל אפטיילונגען צושלאָגען דעם שונא און האָבען פארכאַפט א סך געפאַנגענע, 3 האַרמאַטען, 60 [illegible]. דער שונא אנטלויפט. אין [illegible] ריכטונג [illegible] צו אונזערע [illegible] קיבעד [illegible], גאָסין, די סט. [illegible]. אויף די איבעריגע פראָנטען ווערט דער אנגריף פארגעזעצט. די נעכטיגע שלאַכטען אין קאָראָסטענער ריכטונג האָבען ענדגילטיג באשלאָסען דעם אויסגאַנג פון'ם קאַמף. די [illegible] ביי קאָראָסטען קען מען רעכענען אַלס ליקווידירט. די רויטע ארמיי רוקט זיך מיט גרויסע שריט פאָראויס. עס איז פארנומען געוואָרען די סטאַנציע [illegible]. נעכטען האָט זיך געעפענט די אייזענבאַן-באוועגונג אויף דער ליניע קיעוו—[illegible]. דער שונא, וועלכער האָט געליטען א מפלה אין די [illegible] אטאַקעס, ארגאַניזירט [illegible] פון די ערטיגע דאָרפישע קולאַקען, וועלכע פאַלען אָן אויף די אייזענבאַנען, צעשטערען דעם טעלעגראַף, צעברעכען די רעלסען [illegible] אונטער די געביידעס. [illegible] צו קעמפען מיט די באַנדעס זענען ארגאַניזירט געוואָרען באַזונדערע [illegible].

[illegible] וואָס האָבען זיך [illegible] געקומען [illegible] האָבען די רויטע [illegible] אַפטיילונגען פון דער [illegible] גרופּע אנגעהויבען צו [illegible] די קאָראָסטענער ארמיי פון די [illegible].

(ראסטא)

פון פאַרטיידיגונג צום אַנגריף.

[illegible] 26 מאַרס. אין קאָראָסטענער ריכטונג איז די רויטע [illegible] איבערגעגאַנגען [illegible] צום אַנגריף [illegible] 150 [illegible]. אין [illegible] ריכטונגען [illegible] פון אונזערע [illegible].

(ראסטא)

דער אַנגריף אויף קרים

שטאַב פון דער 2-טער אַרמיי, 28 מאַרס. אונזערע אַפטיילונגען זיינען צוגעגאַנגען צו סיוואַש. אונזער אַרטילעריע באַשיסט דעם ברעג פון קרים.

(ראסטא)

אין פוילען

אין די ארבייטער-ראַטען.

אויף דער אויסערגעוועהנליכער זיצונג פון [illegible] ארבייטער-ראַט האָט ח' ערליך געהאַלטען א לענגערען רעדע וועגען דער אויסערער פּאָליטיק, וואָס פוילען פירט איצט. ער האָט [illegible] אויף דער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק פון דער אַנטאַנטע, ביי וועמען אַלע "אומאָפּהענגיגע" מלוכות זענען בלויז [illegible] איבערגעגעבען צו די מלחמות, וואָס פוילען פירט איצט. [illegible] ער אנגעוויזען, ווי זיי ווערען געפירט אין די [illegible] פון דער פּוילישער פירערשאַפט [illegible] אין ליטע, אין ווייס-רוסלאַנד און [illegible] פון די פאָלקס-מאַסען [illegible] לענין.

ח' [illegible] איז די פ. פ. ס., וואָס [illegible] פאַר רעכטע [illegible] די ראַנד [illegible] זיי [illegible] ח' ערליך—אַז די פּוילישע [illegible] געהערען צו די פּאָליאַקען [illegible] אַנטשיידען [illegible] די פראַגע [illegible] ניט דורך פּלעביסציטן.

ווייטער האָט ח' ערליך גערעדט וועגען דעם פּוילישען אימפּעריאַליזם און וועגען זיין ראָליע, אַלס אייראָפּעאישער זשאַנדאַרם.

ח' ערליכ'ס רעדע האָט געמאַכט א גרויסען רושם הן אויף די ארבייטער-דעלעגאַטען און הן אויף'ן פּובליקום, צווישען וועלכען ס'האָבען זיך אויך געפונען [illegible] פאָרשטעהער פון אויסלענדישע צייטונגען. אין דעם זין פון זיין רעדע האָט ח' ערליך אריינגעטראַגען א רעזאָלוציע, וועלכע ס'האָבען אונטערשטיצט די [illegible] פון די "פאַראייניגטע", און פ. צ.

אין [illegible] האָבען ארויסגעטראָטען [illegible] פון די קאָמוניסטען און פ. פ. ס.

דער ארבייטער-ראַט אין [illegible] שכער-צענטר, מעזריטש, באשטעהט פון 32 בונדיסטען, 2 אומפּאַרטייאישע קריסטען און [illegible] פ. צ. די פ. צ. זענען ניט קיין געוועהלטע פון ארבייטער, ווייל זיי האָבען אפילו ניט געקאָנט צונויפקלייבען קיין 50 ארבייטער-שטימען אויף 1 דעלעגאַט. די 2 צ. [illegible] זענען דעלעגירט געוואָרען פון זייער [illegible] פּאַרטיי-קאָמיטעט, צו וועלכען די בונדיסטען האָבען מסכים געווען.

אין דער מעזריטשער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג זענען ארגאַניזירט העכער 2,500 ארבייטער, דער ערטיגער גראָסער קלוב פאַרמאָגט קרוב פון 600 מיטגלידער. די ניט-לאַנג געגרינדעטע יוגנט-ארגאַניזאַציע צעהלט איבער 50 מיטגלידער.

אין לובלין קומען פאָר וואַהלען אין ארבייטער-ראַט. דער "בונד" האָט שוין ביז איצט דורכגעפירט 62 דעלעגאַטען.

דער ארבייטער-ראַט אין ביאַלע באַשטעהט פון 14 מאַן: 2 בונדיסטען, 1 פ. צ. און 1 צעירי-ציון. די ערשטע ארבייט זיינע איז געווען—באַשטייערן די רייכע באַפעלקערונג לטובת די ארבייטסלאָזע, וועלכע זענען אין ביאַלע און זעהר א גרויסער צאָהל.

פון די "לעבענס-פראַגען".

"גלאָס בונדא".

אין וואַרשע האָט אין אנהויב מערץ ווידער אנגעהויבען צו ערשיינען דער [illegible] נומער פון'ם בונדישען וואָכענבלאַט אין דער פּוילישער שפּראַך: "גלאָס בונדא" (זיך פאַרמאַכט אין 1906).

אין דעם אריינפיר שרייבט די רעדאַקציע, אַז דער ציל פון וואָכענבלאַט איז צוגעבען די פּוילישע ארבייטער א מעגליכקייט פון דער ערשטער קוועלע באַקאַנט צו ווערען מיט דער פּראָגראַם, טאַקטיק און טעטיגקייט פון "בונד"; צו אויפדעקען פאַר דער געזעלשאַפט די פאַלשע מיינונגען און אינפאָרמאַציעס, וואָס די בורזשואַזע פּרעסע פאַרשפּרייט וועגען דער טעטיגקייט פון "בונד"; צוציהען צו דער אידישער ארבייטער-באַוועגונג די גרויסע פּראָלעטאַרישע אינטעליגענץ, וועלכע איז אפּגעריסען פון דער אידישער שפּראַך.

איבער'ן לאַנד.

דזערזשינסקי—פאָלקס-קאָמיסאַר פאַר אינערליכע ענינים.

מאָסקווע, 26 מאַרס. אויף'ן אָרט פון פּעטראָווסקי, וועלכער פאַרלאָזט זיין פּאָסטען, איז [illegible] א פאָלקס-קאָמיסאַר פאַר אינערליכע ענינים באַשטימט געוואָרען דזערזשינסקי.

(ראסטא)

געלד-צייכענס פון 1 און 2 רובל.

מאָסקווע, 29 מאַרס. ס'זיינען ארויסגעלאָזען געוואָרען נייע געלד-צייכענס פון 1 און 2 רובל. (ראסטא)

א דיפּלאָמאַטישער נאָטען-אויסטייש וועגען מצה.

א נאָטע פון דער דייטשער רעגירונג.

פון בערלין, דער פאָלקס-קאָמיסאַריאַט [illegible] אויסערן, מאָסקווע.

דער אָבער-ראַבינער פון אוטרעכט האָט צוגעזאָגט דער ווילנער אידישער געמיינדע צו צושיקען 1000 צענטנער (3000 פוד) מעל פאַר מצה אויף פּסח. אויב די ראַטען-רעגירונג וועט צוזאָגען ניט צו קאָנפיסקירען די מעל, וואַרט דאָס מיניסטעריום פון אויסערן אויף איהר הסכם, און אויף [illegible] ווייטערדיגע אנווייזונגען און ידיעות.

מיניסטעריום פון אויסערן № A 4351

דער ענטפער פון דער ראַטען-רעגירונג פון ל. און וו.

דעם מיניסטעריום פון אויסערן, בערלין.

אַלס ענטפער אויף דער ראַדיאָ פון דעם דייטשען אויסערן-מיניסטעריום № A 4351 [illegible] די ראַטען-רעגירונג פון ליטע און ווייסרוסלאַנד, אַז ביי איהר זענען אַלע רעליגיעס גלייך און דעריבער וועט זי קיינמאָל ניט שטערען צו ערפילען וועלכע עס איז רעליגיעזע מנהגים און [illegible] דעריבער דאַרף דאָס דייטשע מיניסטעריום פון אויסערן ניט צו שרעקען זיך, אַז די ראַטען-מאַכט אין ווילנע וועט קאָנפיסקירען די 1000 צענטנער מעל, וועלכע דער אָבער-ראַבינער פון אוטרעכט האָט צוגעזאָגט צו שיקען דער ווילנער אידישער געמיינדע אויף מצות. די ראַטען-רעגירונג האָט קיינמאָל ניט געגעבען קיין [illegible] פאַר אַזעלכע חשדים, ווייל זי האָט קיינמאָל ניט באַנוצט זיך מיט צוגעשיקטע לעבענסמיטעל פאַר קריגס-[illegible], אָדער פאַר דער הונגעריגער באַפעלקערונג פון אָקופּירטע געגענדען, ווי דאָס האָבען געטאָן אַנדערע רעגירונגען.

די ראַטען-רעגירונג [illegible] ווייטערדיגע ידיעות וועגען וואו און ווען [illegible] ווערען די 1000 צענטנער מעל. די ראַטען-רעגירונג [illegible] איבערגעבען א הארציגען דאַנק דעם אָבער-ראַבינער פון אוטרעכט.

פאָרזיצער פון פאָלקס-קאָמיסאַרען-ראַט פון דער ר. ר. פון ל. און וו. און אויסערן-קאָמיסאַר,

מיצקעוויטש-קאַפּסוקאַס.

— אויף דער לעצטער זיצונג פון ארבייטס-קאָמיסאַריאַט איז אָפּגעגעבען געוואָרען א באַריכט, אַז צוליב דער פאַראָרדנונג צו פאַרמאַכען די טעאַטערן און די קינעמאַטאָגראַפען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער טיפוס-עפּידעמיע, זענען געבליבען טויזענד ארבייטסלאָזע. דערביי איז אנגעוויזען געוואָרען, אַז וויבאַלד די ארבייטער וואָלטען אריינגעטראָגען געוואָרען [illegible] אין דער אָפּטיילונג פון סאָציאַלע פאַרזאָרגונג, וואָלטען זיי איצט באַקומען פון דער אָפּטיילונג דעם פולען געהאַלט. די זיצונג האָט באַאויפטראָגט דעם חבר קאַמינסקי, ער זאָל נעמען אנטייל ביים באַהאַנדלען די פראַגע וועגען די טעאַטערן אין דער אויסערגעוועהנליכער קאָמיסיע.

— אין דער אויסערגעוועהנליכער קאָמיסיע צו קעמפען מיט דער טיפוס-עפּידעמיע ווערט אויך דעלעגירט [illegible] פון [illegible] קאָמיסאַריאַט. ס'שטעהען איצט די פראַגען וועגען עפענען נייע באַראַקען און פאַרשטאַרקען די דעזינפעקציאָנס-ארבייט.

— די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָבען אויף א פּאָר טעג אָפּגעשטעלט זייער טעטיגקייט צוליב דער דעזינפעקציע אין ארבייטס-הויז.

— טאַריפען. פון ווילנע זענען אנגעקומען נייע טאַריפען פאַר די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. די שכירות זענען לויט די נייע טאַריפען קלענער ווי די, וועלכע מען באַקומט איצט.

— די פּראָטאָקאָלען פון די טאַריף-קאָמיסיעס ביי די פאַרשיידענע איינריכטונגען מוזען צוגעשטעלט ווערען אויף צו באַשטעטיגען אין דער צענטראַלער טאַריף-אָפּשאַצונגס-קאָמיסיע ביים ארבייטס-קאָמיסאַריאַט, ביז מאָרגען. די פּראָטאָקאָלען, וואָס וועלען צוגעשטעלט ווערען שפּעטער פון 1-טען אַפּריל, וועלען ניט איבערגעקוקט ווערען.

— ראַטען-אינספּעקציע. היינט וועט אין ארבייטס-הויז פאָרקומען א [illegible] קאָנפערענץ פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און פאַבריק-קאָמיטעטען, אויף וועלכער ס'וועט אָפּגעגעבען ווערען א באַריכט וועגען דער ראַטען-אינספּעקציע.

— אין דער אינספּעקציע איז אויפגעהויבען געוואָרען די פראַגע וועגען שיקען פאָרשטעהער [illegible] די [illegible] און צו האָבען [illegible] די ראַטען-איינריכטונגען ערפילט [illegible].

— ארבייטס-בירזשע. די ארבייטס-בירזשע קלייבט זיך איבער פון זאַכאַרעווער 43 אין ארבייטס-הויז.

— די טעג האָט די בירזשע אַוועקגעשיקט אויף ארבייט אין באַלאַשאָוו א פּאַרטיע פון 140 מאַן.

— דער ארבייטס-קאָמיסאַריאַט האָט באַשלאָסען פאָרצולייגען דעם ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, ער זאָל דעלעגירען 2 פאָרשטעהער אין דער ארבייטס-בירזשע.

— שינעלען. דער קריגס-קאָמיסאַר האָט באַפוילען די ערטיגע קריגס-מאַכט ארויסצוגעבען א פאַראָרדנונג, אַז אַלע בירגער, ביי וועלכע עס געפינט זיך א גרויסער שינעל, זאָלען עס ברענגען אין קריגס-קאָמיסאַריאַט. פאַר די שינעלען וועט מען באַצאָהלען. די בירגער, ביי וועלכע מען וועט געפינען אַזאַ שינעל, וועט מען געבען א [illegible], וואָס וועט דינען אַלס באַשטעטיגונג, אַז זיי דאַרפען באַקומען [illegible] מאַנופאַקטור אין דער ערשטער רייהע. די [illegible], ביי וועלכע מען וועט געפינען א שינעל נאָכ'ן טערמין, וואָס וועט אנגעוויזען ווערען, וועלען שטרענג באַשטראָפט ווערען און די שינעלען וועלען קאָנפיסקירט ווערען.

— שטראָפירט. פאַר ניט מעלדען אין וואוינונגס-אָפּטיילונג וועגען די לעדיגע צימער'ן זענען די הויז-קאָמיטעטען פון [illegible] נומער 10 און גובערנאַטאָרסקע נומער 7, באַשטראָפט געוואָרען צו 500 רובל.

— ארבייטס-פליכט. צוליב מיליטערישע נויטווענדיגקייט האָט דער ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרען פון ליטא און ווייס-רוסלאַנד געגעבען דאָס רעכט די ערטיגע קריגס-קאָמיסאַריאַטען און ארבייטער-ראַטען צו רופען אויף צוואַנגס-ארבייט די בורזשואַזע עלעמענטען פון 18 ביז 45 יאָהר.

— מיליטער-פליכט. דער ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרען האָט ארויסגעגעבען א דעקרעט, אַז אַלע בירגער פון 18 ביז 40 יאָהר, רעכענענדיג זיך פאַר מיליטער-פליכטיגע, קענען גערופען ווערען צו מיליטער-דינסט, אויב די לאַגע וועט עס פאָדערען, אפילו אָהן א פריהערדיגע מאָביליזאַציאָנס-ערקלערונג.

— נאַציאָנאַליזאַציע. די רעגירונג פון ליטא און ווייסרוסלאַנד האָט פאַרעפענטליכט א דעקרעט, אַז אונטערנעמונגען קענען נאַציאָנאַליזירט ווערען נור מיט'ן הסכם פון העכערען ראַט פאַר פאָלקס-ווירטשאַפט. די פאַרוואַלטונג מיט אַלע נאַציאָנאַליזירטע אונטערנעמונגען געהערט דעם [illegible].

— אויטאָמאַטישער טעלעפאָן. אויף פּאָגולאַנקע גאַס [illegible] הויז עפענט זיך מאָרגען די אויסערשטאָטישע טעלעפאָן-סטאַנציע. דערווייל וועט מען קענען ריידען מיט די פאָלגענדע שטעט: סמילאָוויטש, איהומען, באָריסאָוו און באָברויסק. פאַר יעדע 3 מינוט ריידען וועט מען דאַרפען צאָהלען פאַר א שטרעקע פון 25 ווערסט—45 ק., ביז 50—75 ק., ביז 100—1 ר. 5 ק., ביז 150—1 ר. 35 ק., ביז 200—1 ר. מיט 80 ק., ביז 250—1 ר. מיט 95 ק. און 15 ק. פאַר יעדע ווייטערע 50 ווערסט. די יעניגע, וואָס האָבען ביי זיך א טעלעפאָן און ווילען איהם באַנוצען פאַר א אויסערשטאָטישען געשפּרעך, דאַרפען אריינטראָגען אין סטאַנציע 60 רובל.

— ערנעהרונגס-קאַרטען. דער גאָר-קאָמפּראָד האָט זיך געווענדעט צו אַלע פאַראיינען, אַז זיי זאָלען ניט מאַכען קיין אָפּהאַלטונגען ביים באַשטעטיגען די קאַרטען פון זייערע מיטגלידער. ס'איז ווינשענסווערט, די פאַראיינען זאָלען צוליב דעם איינשטעלען א שטענדיגע דעזשורסטווע. די ניט באַשטעטיגטע קאַרטען וועלען פאַררעכענט ווערען אין דריטע קאַטעגאָריע.

— אין "בונד". שבת דעם 29-טען מאַרס איז אין גרעסער-קלוב פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון מינסקער אָרגאַניזאַציע פון "בונד". אויף וועלכער די דעלעגאַטען צו דער 11-טער קאָנפערענץ האָבען אָפּגעגעבען א באַריכט און ס'זענען [illegible] געוואָרען די אנגענומענע רעזאָלוציעס.

באַפעל נומ. 108.

פון דעם מינסקער גוב. קריגס-קאָמיסאַריאַט צו אַלע מיליטער-טיילען און אַנשטאַלטען.

29 מאַרס 1919 יאָהר.

איך פּובליקיר דעם דעקרעט פון דעם ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרען וועגען פאַר'אַקערן און פאַרזייען די פעלדער פון די געדינטע אין דער רויטער אַרמיי. דער דאָזיגער דעקרעט דאַרף פּינקטליך ערפילט ווערען.

אַנערקענענדיג, אַז די רעפּובליק דאַרף זאָרגען וועגען פאַרזייען די פעלדער פון די קעמפער פאַר דעם ארבייטער און פּויערים פאָטערלאַנד, באַשליסט דער ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרען:

1) פאַראָרדנען אַלע ערטיגע ערד-אָפּטיילונגען און דאָרפישע ראַטען, זיי זאָלען אָננעמען אַלע מיטלען צו פאַר'אַקערן און פאַרזייען די פעלדער פון די גערופענע אין אַרמיי. אין דער הינזיכט מעגען זיי אָנקומען צו דער הילף פון דער דאָרפישער געמיינדע, אין א נויטיגען פאַל—אויך צו געזעלשאַפטליכע צוואַנגס-ארבייט. צו דעם צוועק קען אויסגענוצט ווערען דער נויטיגער אינווענטאַר פון די פּויערשע, ראַטען-, קאָמונאַלע און חבר'שע ווירטשאַפטען. די איבערגעגעבענע אַנשטאַלטען טראָגען א שטרענגע פאַראַנטוואָרטליכקייט, אַז די דאָזיגע פעלדער זאָלען פאַר'אַקערט און פאַרזייט ווערען.

2) צושטעלען זריעות און איבעריגע ווירטשאַפטליכע מכשירים קודם כל אין די בעלי-בתישקייטען פון די רויטע אַרמייצעס.

3) אַסיגנירען צו דעם צוועק געלט פון די באַשטימטע דורך דעם פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר ערד-ארבייט סומען צו אָרגאַניזירען דעם פאַרזייאונגס-פּלאַן.

4) פאַראָרדנען דעם פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר קריגס-ענינים, ער זאָל באַטראַכטען די פראַגע וועגען די צייטווייליג באַפרייטע אַרמייצעס. דער פאָלקס-קאָמיסאַריאַט דאַרף זעהען, אַז די רויטע אַרמייצעס זאָלען אָפּגעלאָזען ווערען אַזוי, אַז עס זאָלען גענומען ווערען אין אַכט דער מיליטערישער מצב, די באַדינגונגען פון'ם טראַנספּאָרט און די פּעריאָדען פון די פעלד-ארבייט אין די באַזונדערע ערד-ארבייטס ראַיאָנען.

5) דורכפירען אין לעבען דעם דאָזיגען דעקרעט ווערט ארויפגעלייגט אויף די פאָלקס-קאָמיסאַריאַטען פאַר קריגס-ענינים און פאַר ערד-ארבייט.

6) דער דאָזיגער דעקרעט דאַרף טעלעגראַפיש פאַרעפענטליכט ווערען.

פאָרזיצער פון דעם ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרען, אוליאַנאָוו (לענין).

פאַרטרעטער פון פאָלקס-קאָמ. פאַר קריגס-ענינים, א. סקליאַנסקי.

פאַרוואַלטער איבער די ענינים פון'ם ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרען, וו. באָנטש-ברויעוויטש.

סעקרעטאַר פון'ם ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרען, פאָטיעוואַ.

מאָסקווע-קרעמל, 26 מאַרס 1919 יאָהר.

מינסקער גובערניאַלער קריגס-קאָמיסאַר קריוואָשעין.

מיליטערישער אָנפירער באַלאַנדראָוויטש.

אין ראַט (צ. ב.) פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

זיצונג פון 27-טען מאַרס.

(ענדע).

אין איר ווייטערדיגען באַריכט האָט דר. [illegible] מיטגעטיילט, אַז דער גרעסטער טייל קראַנקע זיינען איצט אויף טיפוס. אין די שפּיטעלער איז שוין ניטאָ פאַר זיי קיין אָרט. מען מוז איינאָרדנען נאָך באַראַקען און פאַרשטאַרקען די דעזינפעקציאָנס-מיטלען. די צענטראַלע אַמבולאַטאָריע מוז אויך פאַרגרעסערט ווערען.

פונ'ם צענטער פאַרלאַנגט מען, אַז די ארבייט פון דער מעדיצינישער אונטער-אָפּטיילונג ביי דער סאָציאַלער פאַרזאָרגונג זאָל זיך צוזאַמענגיסען מיט דער אָפּטיילונג פון פאָלקס-געזונדהייט. ביי די איצטיגע באַדינגונגען וועט אָבער די זאַך פון דעם [illegible] פאַרלירען. ס'וועט זיך ניט איינגעבען אויסצושטעלען די מעדיצינישע ארבייט אויף דער געהעריגער הויך.

איינציגע פאַראיינען האָבען זיך געווענדעט צו דער אָפּטיילונג וועגען מעדיצינישע הילף פאַר זייערע מיטגלידער. פאַר די פאַראיינען מוז זיין קלאָר, אַז אויב דער ארבייטער איז ניט פאַרסטראַכירט, קען איהם די אָפּטיילונג גאָר נישט העלפען, הגם ער איז א מיטגליד פון פאַראיין. די ארבייטער דאַרפען דערום זעהען צו צווינגען די בעלי-הבתים, מען זאָל זיי פאַרסטראַכירען.

ח' ריווקין גיט א באַריכט פון דער אָפּטיילונג פאַר [illegible] און שטיצע. די סעקציע האָט זיך געעפענט דעם 1-טען מאַרס. מען האָט גענומען צוזאַמענשטעלען די רשימות פון די, וואָס קענען באַקומען שטיצע. די ארבייטסלאָזע ווערען [illegible] מיטאָגען און אויך געלד. האָט מען געמוזט מאַכען א פילטער, כדי גענוי צו באַשטיין, ווער פון די ארבייטסלאָזע נויטיגט זיך טאַקע אין שטיצע. באַזונדערס שווער געהט צו דער קאָנטראָל פון די דינסטען און שוואַרץ-ארבייטער.

מעלדונגען וועגען שטיצע זיינען אנגעקומען 1327. דערווייל האָט מען אָפּגעזאָגט נור 30. עס איז שוין צעטיילט געוואָרען 49700 רובל.

צווישען די, וועלכע מען האָט געגעבען שטיצע, פאַרנעמען דעם ערשטען אָרט די האַנדעלס-אַנגעשטעלטע; דעם 2-טען—דער נאָדעל-פאַך; דעם 3-טען—דינסטען און דעם 4-טען—שוואַרץ-ארבייטער.

נאָכדעם, ווי חבר וויינשטיין האָט רעזומירט די פאָדערונגען פון דער אָפּטיילונג, איז באַשלאָסען געוואָרען: 1) פאָדערען פון דער אָפּטיילונג פאַר פאָלקס-געזונדהייט, עס זאָלען איינגעאָרדנעט ווערען נאָך באַראַקען; 2) די וואוינונגס-אָפּטיילונג זאָל געבען א גרעסערע דירה פאַר דער צענטראַלער אַמבולאַטאָריע; 3) די אָפּטיילונג זאָל באַוואָרנט ווערען מיט פערד, און 4) עס זאָל פאַרשטאַרקט ווערען די דעזינפעקציאָנס-ארבייט. דער ראַט פאַרפליכטעט די פאַראיינען צו קאָנטראָלירען, אויב די אונטערנעמונגען פון זייער פאַך זיינען שוין פאַרסטראַכירט.

די זיצונג האָט באַשטימט צו שיקען א טעלעגראַמע דער חבר'טע דר. ראָזע גינזבורג-ראַקאָוו, וועלכע איז קראַנק געוואָרען ארבייטענדיג אונערמידליך אַרום די קראַנקע ארבייטער, מיט'ן וואונש וואָס גיכער צו געזונד ווערען און זיך אומקערען צו איר נוצליכער ארבייט.

די זיצונג האָט אויסגעוועהלט 4 ארבייטס-אינספּעקטאָרען — די חברים: א. ראַגאָווסקי, פּערעסטין, רובענטשיק, און ראַכלינא.

פון פּראָפעסיאָנעלען לעבען.

פּראָדוקציאָנס-פּרינציפּ.

דעם 28-טען מאַרס איז פאָרגעקומען א באַראַטונג פון די סעקרעטאַרען פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען וועגען אָרגאַניזירען די פאַראיינען לויט'ן פּראָדוקציאָנס-פּרינציפּ. ס'זיינען אנגעמערקט געוואָרען פאָלגענדע פּראָדוקציאָנס-פאַראיינען:

1) לעדער-פאַראיין. אַהער דאַרפען אריינגעהן דער פאַראיין פון לעדער-אויס-ארבייטער און די גאַרבער. 2) ערנעהרונגס-ארבייטער, 3) טאַבאַק און גילזען ארבייטער, 4) דרוקער, איינבינדער און קאַרטאָן-ארבייטער, 5) מעדיצין-סאַניטאַרע ארבייטער און אַנגעשטעלטע, 6) פאַבריק-מאַכער, 7) מוזיקאַנטען און טעאַטער אַנגעשטעלטע, 8) בוי-ארבייטער, 9) אַנגעשטעלטע אין אַפּטייקען, 10) הויז-דינסטען, דוואָרניקעס און וועשערינס. 11) אַנגעשטעלטע. 12) טראַנספּאָרט-ארבייטער. 13) נאָדעל-פאַך. 14) האָלץ-באַאַרבייטער. 15) פאָטאָגראַפען. 16) מעטאַליסטען, זייגערמאַכער און גאָלד שמידען. 17) מוניציפּאַלע ארבייטער און אַנגעשטעלטע. 18) פאָלקס ערנעהרונג. אַהער דאַרפען אריינגעהן די אַנגעשטעלטע אין די קיכען און שפּייזען, קוכער און אָפיציאַנטען. 19) מיטאַרבייטער אין פינאַנס אונטערנעמונגען. 20) מיטאַרבייטער פון קרעדיט אַנשטאַלטען. 21) מיטאַרבייטער פון קולטור און בילדונגס איינריכטונגען. 22) בערשטער און בערשטעל-מאַכער. 23) לעסוואָרד. 24) פּאָסט (פּאָסט און טעלעגראַף-אַנגעשטעלטע). 25) פּ-אָפּושעל (אייזענבאַנער). 26) ראַבאָטזעם (לאַנדווירטשאַפטס-ארבייטער).

די פאַראיינען וועלען אָרגאַניזירט ווערען אין גובערניאַלען מאַסשטאַב, ווי טיילען פון די אַלרוסלענדער פּראָדוקציאָנס-פאַראיינען.

אין אונזער געגענד.

באַברויסק.

אין באַברויסקער "קאָמוניסט" איז אָפּגעדרוקט פאָלגענדער באַפעל:

צוליב דער קאָנטר-רעוואָלוציאָנערער און פּאָגראָם-אַגיטאַציע, וואָס ווערט געפירט פון ניקאָלאַיס געוועזענע דינער און פּאָמעשטשיקעס, וועלכע האָפען ווידער צו באַקומען די מאַכט איבער [illegible] די ארבייטער און פּויערים, האָט דער אויספיר-קאָמיטעט אויף א עקסטרע-זיצונג דעם 25-טען מאַרס באַשלאָסען: כדי וואָס גיכער אונטערצודריקען יעדע מין ארויסטרעטונג געגען דער ארבייטער און פּויערשער-מאַכט, צייטווייליג איבערגעבען די גאַנצע מאַכט דעם קריגס-רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט אין צוזאַמענשטעל פון די חברים מאַלאַקאָוויטש, וויינע און לאַאור.

לעצטע נייעס.

א נייע ערפינדונג.

פּאַריז, 26 מאַרס. דער אַמעריקאַנער קריגס-מיניסטער בעקער האָט געמעלדעט, אַז ס'איז ערפונדען געוואָרען א פאַרבעסערטער אויטאָמאַטישער קאָנטראָל פאַר עראָפּלאַן. א דאַנק דער ערפינדונג וועלען די עראָפּלאַנען קענען אָהן א פּילאָט דורכפליהען 100 מייל און ארונטערלאָזען זיך אויף א באַשטימטען אָרט.

(ראסטא)

אויך מורא פאַר'ן באָלשעוויזם.

פּאַריז, [illegible] מאַרס. דער הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער טשעכאָ-סלאָוואַקישער אַרמיי האָט ארויסגעגעבען א באַפעהל צו פאַרמאַכען די טשעכאָ-סלאָוואַקישע גרעניץ פון דער זייט צו אונגאַרן, כדי אָפּצוהיטען דאָס לאַנד פון באָלשעוויזם. די ברעגע איבער'ן דונאַי געפינען זיך אונטער א באַזונדער וואַך.

(ראסטא).

אין ענגלאַנד.

שטאָקהאָלם, 24 מאַרס. די קאָנפערענץ פון די ענגלישע אייזענבאַנער האָט אָפּגעוואָרפען דעם אויסגלייך, וואָס די רעגירונג האָט פאָרגעלעגט. עס שטעהט פאָר א אייזענבאַן-שטרייק.

(ראסטא).

רעדאַקטאָר-ארויסגעבער
פרומקינא-וויינמאַן (אסתר)

דער פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר ארבייט

פון ליטע און ווייסרוסלאַנד לאַדט פאָר אַלע [illegible] ארבייטס-אָפּטיילונגען צוזאַמענשטעלען אין דער אויסערשטאָטישער אָפּטיילונג (ווילנע, ארבייטס-הויז) ניט שפּעטער פון 15 אַפּריל א סמעטע אויף דער ערשטער העלפט פון 1919 יאָהר. אויב אַזאַ סמעטע וועט ניט צוגעשטעלט ווערען, וועט זיך דער פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר ארבייט אָפּזאָגען ארויסצוגעבען געלד-מיטלען.

שטעל-פאַרטרעטער פון פאָלקס-קאָמיסאַר פון ארבייט ב. [illegible].

[illegible] פון פאַרוואַלטער [illegible] דער אויסערשטאָטישער אָפּטיילונג א. ראַכלין.

געשעפטספירער י. גריבאָס.

די אָפּטיילונג פון סאָציאַלער פאַרזאָרגונג און ארבייטס-שוץ

מעלדעט, אַז די ידיעות וועגען ארבייטס-לוין פאַר דער 2-טער העלפט מאַרס און פון דער הויז-דינערשאַפט פאַר'ן גאַנצען חודש מאַרס דאַרפען צוגעשטעלט ווערען אין דער אָפּטיילונג (ארבייטס-הויז, 2 שטאָק, צימער נומ. 10) ניט שפּעטער פון 4 אַפּריל, און די פאַרזיכערונגס-אָפּצאָלונגען—פון 8 ביזן 11 אַפּריל (איינשליסליך).

די פּערזאָנען, וואָס האָבען נאָך ניט אריינגעטראָגען די אָפּצאָלונגען, וואָס קומען פון זיי ביזן 1 מאַרס, ווערען איינגעלאַדען גלייך עס צו טון, אויב זיי ווילען אויסמיידען, אַז די אָפּצאָלונגען זאָלען אויסגעמאָנט ווערען דורך מיליציע.

באַקאַנטמאַכונג.

דער רעצעפּטורען-טיש ביים שטאָטישען ערנעהרונגס-קאָמיטעט מעלדעט, אַז ער קלייבט זיך איבער אויף גובערנאַטאָרסקע גאַס, הויז נומער 3 (געוועזענער שוך-מאַגאַזין בראַכיס).

גלייכצייטיג ווערט באַקאַנט געמאַכט, אַז

1) אויף די רעצעפּטען, וועלכע ווערען צוגעשטעלט אין רעצעפּטורען-טיש, כדי צו באַקומען פּראָדוקטען, דאַרף זיין דייטליך אָנגעשריבען דער נאָמען, פאָטערס נאָמען און פאַמיליע פון דעם קראַנקען, זיין אַדרעס און דער כאַראַקטער פון דער קראַנקהייט. דער רעצעפּט דאַרף זיין מיט'ן שטעמפּעל פונ'ם דאָקטאָר.

2) אַזוי ווי דער רעצעפּטורען-טיש גיט ארויס פּראָדוקטען בלויז קראַנקע ארבייטער און אַנגעשטעלטע און אויך קראַנקע פון דער אָרימער באַפעלקערונג, דאַרף יעדער, וואָס וויל באַקומען פּראָדוקטען, צושטעלען א צייגניס פון א פּראָפעסיאָנעלען פאַראיין, אַז ער איז א מיטגליד פון דעם פאַראיין אָדער פון דעם באַטרעפענדען פאַך, אָדער א צייגניס פון א געוויסער איינריכטונג (א פאַבריק, א זאַוואָד), אַז ער ארבייט דאָרטען.

3) אויב דער קראַנקער איז אַליין ניט קיין ארבייטער אָדער אַנגעשטעלטער, נאָר ער געהערט צו דער פאַמיליע פון אַן ארבייטער אָדער אַנגעשטעלטען, דאַרף ער צושטעלען א צייגניס פון פּראָפעסיאָנעלען פאַראיין אָדער פון דער איינריכטונג, צו וועלכער דער ארבייטער אָדער אַנגעשטעלטער געהערט, אַז ער ווערט ווירקליך פון איהם אויסגעהאַלטען.

4) קראַנקע פון דער אָרימער ניט-ארבייטער באַפעלקערונג דאַרפען צושטעלען א צייגניס פון דער אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער הילף (האָטעל "אָדעס", זאַכאַרעווער גאַס, נומ. 61) וועגען דעם, אַז זיי זיינען ווירקליך אָרימע און קענען ניט קויפען די נויטיגע פּראָדוקטען פאַר פרייע פּרייזען.

אָהן די אָנגעוויזענע צייגנישען וועלען קיין פּראָדוקטען פאַר קיין פאַל ניט ארויסגעגעבען ווערען.

פאַרוואַלטער פונ'ם רעצעפּטורען-טיש. (אונטערשריפט)

מינסקער לעבען

— זאָקען. די סאָציאַלע אָפּטיילונג האָט איבערגעגעבען דעם ראַט (צ. ב.) פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען 600 פּאָר זאָקען אויף צו צעטיילען צווישען די ארבייטער. די זאָקען וועלען פאַרטיילט ווערען צווישען די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פּראָפּאָרציאָנעל לויט דער צאָהל פון זייערע מיטגלידער.

— האָלץ. די האָלץ-אָפּטיילונג האָט צייטווייליג איבערגעהערט ארויסצוגעבען נייע טאַלאָנען אויף האָלץ. די, וואָס האָבען באַקומען טאַלאָנען ביז'ן 24-טען מאַרס, וועלען באַקומען די האָלץ אויף די טאַלאָנען נאָך דער רייהע.

— א מיליאָן ר. צום קאַמף מיט דער עפּידעמיע. דער [illegible] האָט אויף זיין זיצונג פון 28 מאַרס אַסיגנירט 1 מיליאָן רובל צו קעמפען מיט דער טיפוס-עפּידעמיע.

פרייז 60 קאפ.

פראלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניגט זיך!

דער וועקער

צענטראל-ארגאן פון „בונד" אין ראטען-רוסלאנד.

די רעדאקציע און קאנטאר געפינען זיך: זאכאריעווסקע נומ. 54, זאקרושעווסקי'ס הויז, אריינגאנג אין הויף. די קאנטאר איז אפען טעגליך חוץ שבת פון 10 ביז 4 א זייגער.

אדרעס פאר קארעספאנדענצען: Минскъ, редакція (конторъ) „Деръ Векеръ".

— ערשיינט טעגליך. —

פרייז פאר אבאנעמענט: [illegible] 3 חדשים 28 ר. [illegible] 3 חדשים 30 ר.

פרייז פאר מודעות: [illegible] 50 ק. [illegible] טעקסט—85 ק. [illegible] אין פאראייניגטע [illegible] א העלפט.

516 Минск, 1 апреля 1919 1 אפריל, דינסטאג.

נייס אין דער אידישער ליטעראטור

ס'איז ערשינען א נייע ווערק
וועגען קאאפעראציע און קאאפעראטיווען

וואס איז אזוינס
א קאנסום-געזעלשאפט?

פון [illegible] אייזענשטאט (יודין)

ארויסגעגעבען פון מינסקער ארבייטער-קאאפ.
„איינינקייט"

פרייז 50 קאפ.

דער פארקויף אין קאנטאר פון „איינינקייט" יוריעווער גאס נומ. 6.

די פארוואלטונג פון ארב. קאאפעראטיוו
„איינינקייט"
איז אריין אין אן אבמאך און האט איינגעשטעלט א ספעציעלען ביליגען [illegible] מיט צאן-דאקטאר
וואלקאמיטש
פרעאבראזשענסקע 38
פאר די מיטגלידער פון קאא[פ]עראטיוו וואס קומען צו אים היילען די ציינער, אפרייסען, אדער מאכען נייע ציינער.

מודעה.

עס ווערט אנגענומען דער אבאנעמענט אויף די פאלגענדע פעריאדישע אויסגאבען פונ'ם אידישען פארלאג ביים פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג אין ליטע און רייסען

1) חודש'דיקער זשורנאל — „די נייע וועלט"
פאר א יאר—48 רובל. 6 חדשים—26 ר. 3 חדשים 12 ר.
אין איינצעל-פארקויף 5 ר. א נומער.

2) צווייוואכיגער זשו[רנאל] „פאלקס-בילדונג"
פאר 3 חדשים—6 רוב. אין איינצעלפארקויף 1 ר. א נומער.

3) צווייוואכיגער קינדער-זשורנאל „גרינינקע ביימעלאך"
פאר 3 חדשים—3 רוב. אין איינצעלפארקויף 1 רובל 50 קאפ. א נומער.

אדרעס: ווילנע, ברייטע גאס 54 פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג, אידישער פארלאג.

ארבייטער-קאאפעראטיוו „איינינקייט"

אויף אויסצומיידען די שפארונג אין די קראמען, וועט פארקויפט ווערען פראדוקטען לויט דער פאלגענדער טאבעלע.

זונטאג	די ביכלאך	פון	נומ.	1	ביז	נומ.	800
מאנטאג	-	-	-	801	-	-	1600
דינסטאג	-	-	-	1601	-	-	2400
מיטוואך	-	-	-	2401	-	-	3200
דאנערשטאג	-	-	-	3201	-	-	4100

פרייטאג די וועלכע האבען צוליב ווערשיעדענע אורזאכען ניט געקענט קומען אין די אנגעצייכענטע טעג.

די קאנטאר פון „איינינקייט"

האט זיך איבערגעקליבען אויף יוריעווסקע נומער 6 (אנטקעגען די באנק ביורא) אריינגאנג פון הויף. אפען פון 10 פריה ביז 5 אווענד. מעלדונגען ווערען אנגענומען פון 10 ביז 8.

קאמפלעקטען „וועקער"

פאר דער צייט פון דער קאנפערענץ (די דעבאטען, רעזאלוציעס א. א.) קען מען באקומען אדער אויסשרייבען פון קאנטאר פון „וועקער", מינסק זאכאריעווסקע 54.

פרייז 5 רובל. די קאנטאר.

דער פראפעסיאנעלער פאראיין פון די

האנדעלס-אנגעשטעלטע איז אריבערגעפארען

אויף פריהייטס-פלאץ נומ. 15 (נעבען דעם געוועזענעם גובערנאטאר-הויז) 2-טער שטאק.

דער ראט פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען

דערמאנט אלע אנגעשטעלטע און ארבייטער פון מינסק, וועלכע האבען נאך ניט אריינגעטראגען דעם איינטאגיגען פארדינסט אויף א מתנה פאר דער רויטער ארמיי, אז זיי דארפען עס ניט שפעטער פון 5 אפריל אריינטראגען אין קאמיסאריאט פון פאלקס-בילדונג, דער ה' בעראזאווא, טעגליך ביז 4 א זייגער בייטאג.

מודעה.

די פארוואלטונגס-אפטיילונג פון מינסקער גוברעווקאם האט זיך איבערגעצויגען פון זאכאריעווסקע נומ. 7 אויף פרעאבראזשענסקע, 16.

דארט געפינען זיך איצט פאלגענדע אונטער-אפטיילונגען: די בירגערליכע, די פארוואלטונג פון דעם גוב. מיליציע, די א. אפט. פאר אינפארמאציע און אינסטרוקט.

די מעלדונג און רעכנונגס-א.-אפטיילונגען.
דער פארוואלטער פון דער פארוואלטונגס-אפטיילונג
פון מינסקער גוברעווקאם (אונטערשריפט)

מעהר צוועקמעסיגקייט.

צווישען די קאמוניסטען טרעפען זיך ניט זעלטען אזעלכע מענשען, וואס מיינען אז זיין געגען רויטען טעראר, טויטשטראף און טשרעזוויטשאיקעס הייסט זיין א קאנטער-רעוואלוציאנער. ווי מיינען באמת, אז רויטער טעראר, טויט-שטראף און טשרעזוויטשאיקעס זענען אזא אטריבוט פון יעדער רעוואלוציאנערער ארדנונג, וואס אהן דעם פארלירט זי איהר גאנצען רעוואלוציאנערען אינהאלט. זיין געגען טויטשטראף הייסט איינשטעהן זיך פאר דער בורזשואזיע, פאר ספעקולאנטען, קאנטער-רעוואלוציאנערען.

אונזער קאנפערענץ, וועלכע האט זיך געשטעלט אויפ'ן שטאנדפונקט פון פרינציפיעל אנערקענען די ראטען-מאכט, וועלכע האט געמאכט א גרויסען שריט אויף לינקס, איז אין די פראגען געבליבען טרייע אויף די פריהערדיגע פאזיציעס. אונזער פארטיי פאדערט, עס זאל אפגעשאפט ווערען די פאליטיק פון טעראר, עס זאל אפגעשאפט ווערען טויטשטראף.

מיר וועלען קעמפען ווי פיל איצט געגען אזעלכע צייטקלאנגען, אונזעליגע אכזריות, וואס פארגיפטען די לופט מיט פארביטערונג און שנאה און ברענגען ניט דעם קלענסטען נוצען דער רעוואלוציע און דעם ארבייטער-קלאס. מיר זענען זיך איבערצייגט, אז קעמפענדיג געגען דעם, געהען מיר צוזאמען מיט'ן בעסטען טייל פון די קאמוניסטען אליין. ערפילען מיר אונזער פליכט בנוגע צו דער רעוואלוציע.

אויב אין אונזער געגענד איז טעגליך געווען פון אנהויב אן א איינהייטליכער פראלעטארישער פראנט, אויב פון אנהויב אן האט זיך ביי אונז געשאפען א פארען, אויף וועלכען אלע סאציאליסטען, אפילו רעכטע געשטימטע, האבען געקענט ענערגיש, אקטיוו אפגעבען זייערע כחות דער ראטען ארבייט און סאקציש נעהמען אויף זיך א גרויסען טייל פאראנטווארטליכקייט פאר דער ראטען-מאכט—האבען מיר דא אין א גרויסען מאס צו פארדאנקען די מעסיגע פאליטיק, וועלכע איז דא פון אנהויב געפיהרט געווארען מצד דער מאכט. עס האט געמאכט אנ'איינדרוק, אז די ערפאהרונג פון רויטען טעראר באוויזען ניט די פאראנטווארטליכע קאמוניסטישע פיהרער. עס האט זיך געדוכט, אז אין אונזער געגנער וויל מען אויספראבירען אנדערע פארמען פון ווירקונג אויף די ברייטע שיכטען פון דער באפעלקערונג. אמת, געפיהלט האט זיך דאס ממשות'דיג נור אין צענטער, וואס ווייטער אין די שטעט און שטעטלאך, האט זיך געשפירט אלץ מעהר צוגעלאזטקייט צו די פריהערדיגע אדמיניסטראטיווע טראדיציעס. מ'האט דארט צוגעקוקט זיך פון ווייטענס צו דעם, וואס עס טוט זיך אין צענטער, און געטרייסט זיך, אז די נייע שטרעמונגען האבען נאך ניט באוויזען צו דערגרייכען צו די פארווארפענע ווינקלאך.

מיר מוזען זאגען, אז די לעצטע צייט פיהרען זיך אין דעם געביט צו גרויסע וואקלונגען. עס האט זיך איינגע קריזען באוויזען א בענקשאפט נאך די אלטע מעטאדען. אין דער ארטיגער „זוועזדא", איז אפגעדרוקט אנ'ארטיקעל „וועניגער סאנטימענטאליטעט", וואס ווייזט אויף, אז אין אונזער געגנער מוז אנגעווענדעט ווערען רויטער טעראר, אז דער בורזשואזיע לעבט זיך נאך ביי אונז צו זיס".

אין פארבינדונג מיט די לעצטע פארגעקומענע טויטשטראפען מאכט דער ארטיקעל אנ'איינדרוק פון א מין נייעם פראגראם.

מיט אלע כחות, מיט דער גאנצער ענערגיע דארף יעדער באוואוסטזיניגער ארבייטער ארויסזאגען זיך געגען אזעלכע שטרעמונגען.

אויף דער גרעניץ ווילדעוועט די קאנטער-רעוואלוציע. די פריצים און קאפיטאליסטען שיקען זייערע באוואפענטע קנעכט געגען דאס רעוואלוציאנערע ווייסרוסלאנד און ליטע. אלע קרעפטען דארפען אנגעווענדעט ווערען, כדי אפצוווארפען די סכנה, כדי צו באזיגען דעם שונא. מיר דארפען, די ברייטסטע מאסען פון דער באפעלקערונג זאלען דורכגעדרונגען ווערען מיט דעם זעלבען האס, מיט דער זעלבער שנאה צו די קאנטער-רעוואלוציאנערען, ווי מיר אליין. זי זאל פילען זייער קומען, ווי א סכנה פאר זיך אליין. זי זאל באטראכטען אונזער מפלה, ווי איהר אייגענע מפלה, און אונזער נצחון, ווי איהר אייגענעם נצחון. מיר דארפען אויסמיידען אלץ, וואס קען העלפען די קאנטער-רעוואלוציאנערען איינרעדען די פינסטערע מאסען, אז זיי זענען באפרייער און מאגליקער. דארף מען נאך דעם, ווען אפילו בוכארין האט גערעדט וועגען דעם שאדען, וועלכען די פארביטערונג אינ'ם קליינעם און מיטעלען בירגערטום ברענגט דער רעוואלוציע, דארף מען נאך דעם דערווייזען, אז די שטימונג פון די קליינבירגערליכע שיכטען קאן פאר אונז ניט זיין גלייכגילטיג? וועלכער וועג איז בעסער—ווארפען אנ'אימה, א פאניק, אדער צוציהען די סימפאטיע פון דער ניט פראלעטארישער באפעלקערונג?

ניט אום סענטימענטאליטעט געהט דאס דא, נור אום צוועקמעסיגקייט. דער וועג פון רויטען טעראר איז פאקטיש דער וועג פון בלינדער נקמה: אויף דער גרענעץ הרג'עט מען אונז, וועלען מיר הרג'ענען דא. אבער נקמה און צוועקמעסיגקייט זיינען נאך צוויי באזונדערע זאכען.

מיר ווילען ניט קיין סענטימענטאליטעט. מיר ווילען, די ראטענמאכט זאל זיין אנ' אמת'ע מאכט פון אונטערדריקטע און פארשקלאפטע, א מאכט, ארומגערינגעלט מיט ווארימער ליבע און טרייהייט, מיט אקטיווער אפטערוויליגקייט — ניט נור פון באוואוסטזיניגען פראלעטאריאט, נור פון דער ברייטסטער באפעלקערונג. מיר ווילען ניט, אונזער ראטענמאכט זאל קאנקורירען אין חיה'שאפט מיט די פריצים און קאפיטאליסטען. דער ארבייטערקלאס, וועלכער איז זיכער אין זיין נצחון, מעג רוהיג איבערלאזען די אכזריות'דיגע פארצווייפעלטע נקמה-וועגען שטארבענדער בורזשואזיע, די הערשער, וואס געהען אונטער און ווארפען זיך אין זייער פארצווייפלונג אויף די אומענשליכסטע, פארברעכערישסטע מיטלען. מיר ווילען, די ראטענמאכט, די מאכט פון ארבייטער און פויערים, די מאכט פון ארימע און ליידענדע, זאל ווייזען דער וועלט א בייספיל פון אמת'ער מענשליכקייט און עדלקייט. מיר גלויבען טיף, אז דאס איז די צוועקמעסיגסטע, די רעוואלוציאנערסטע פאליטיק. מיר גלויבען טיף, אז אזא פאליטיק וואלט בעסער פארמיידיגט אונזער געגענד, איידער טויזענט טויטשטראפען. אז זי וואלט באגייסטערט מיט טרייהייט און ליבשאפט גאר ברייטע שיכטען פון דער באפעלקערונג. אז זי וואלט דערשטיקט אין ווארצעל די שווארצע אגיטאציע געגען דער מאכט. מיר זיינען טיף איבערצייגט, אז די פאליטיק פון טעראר און טויטשטראפען איזאלירט די מאכט, שוואכט אפ די קאמפלוסטיגקייט אינ'ם אייגענעם לאגער, שאפט ארום דער מאכט אנ' אטמאספער פון קאלטקייט, גלייכגילטיגקייט און שנאה און העלפט דער ארבייט פון יענע עלעמענטען, וואס שילדערען די קומענדיגע קאנטער-רעוואלוציע, ווי א באפרייערין.

וועניגער סאנטימענטאליש—פאדערט די „זוועזדא". מעהר צוועקמעסיגקייט, פאדערן מיר. אין דער אונזער רעוואלוציאנערען ליבע וועלען מיר ניט אויפהערען צו ווארענען געגען אומקערען זיך אויפ'ן וועג פון די אלטע פעלערען, אויפ'ן וועג פון רויטען טעראר.

וואס נעהענטער מיר שטעהען צו דער ראטענמאכט, וואס אקטיווער מיר שטיצען און העלפען איהר, וואס ענגער אונזער גורל איז מיט איהר פארבונדען, אלץ ענערגישער וועלען מיר זיך איינשטעלען געגען דעם, זי זאל זיך אומקעהרען צו די אלטע מעטאדען.

מעהר צוועקמעסיגקייט!

* * *

די עלפטע קאנפערענץ פון בונד.

מארגענזיצונג דעם 21 מארט.

(ענדע פון אסתר'ס פארטראג.)

די אידישע ניט-פראלעטארישע ארימע מאסען, וועלכע זענען שטענדיג געגאנגען מיט'ן פראלעטאריאט, וועמענס לעבענסארט ס'איז כמעט די זעלבע, וואס ביים פראלעטאריאט, וועלכע האבען זיך שטענדיג געפונען סאציאל אין לאגער פון די אונטערדריקטע, די דאזיגע האלב-הונגעריגע, האלב-נאקעטע מאסען, וואס זייער לעבען, זייערע פריידען און ליידען מוזען ביליגען דאס געביוי פון דער קולטור-שאפונג צוגלייך מיט'ן לעבען פון פראלעטאריאט, זענען פון פאליטישען לעבען ארויסגעווארפען. דער קליינער הענדלער, די סאלדאטקע, דער היימלאזער, וואס האט זיין אמאליגע באשעפטיגונג פארלארען און קאן זיך צו קיין נייער ניט דערשלאגען, זי האבען ניט קיין וואהלרעכט, אפילו לויט דער ראטענקאנסטיטוציע. אבער די ראטענקאנסטיטוציע גופא וואו ווערט זי אנגעווענדעט? וואו נוצען אויס זייער וואהלרעכט די הונדערטער טויזענדער „היימישע" סריען, די זעלבסשטענדיג ארבייטער? צו וואס ברענגט דאס אלץ? אין דארף ווערט צוגעצויגען צום פאליטישען לעבען די מערהייט, אלע אחוץ די קולאקעס. אין שטעטעל—די קליינע מינדערהייט—דאס ביסעל געזונגענע ארבייטער. יענע נאטירליכע אטמאספער פון בכלל ארבייטענדע, בכלל אונטערדריקטע, וואס רינגעלט ארום די שאפונג און פאליטישע טהאט פונ'ם רוסישען ארבייטער, ווערט אויף דער אידישער גאס צושלאגען. דער אידישער ארבייטער ווערט איזאלירט. ער שטעהט איינער אליין אויף דער ארימער, אידישער גאס. זיין דיקטאטור ווערט באמת א דיקטאטור פון דער מינדערהייט. ער דארף אליין שאפען קולטור פאר די מאסען און אהן זיי.

וועגען דער דיקטאטור פון אידישען ארבייטערקלאס רעדט מען שוין איצט אפילו אין אלוועלטליכען מאסשטאב. איך האלט דאס פאר פשוט'ע פלוידעריי. ס'איז ניטא קיין באזונדער אידישע ווירטשאפט, אידישע עקאנאמיק. די רייכטימער פון דער אידישער בורזשואזיע געהערען ניט דוקא דעם אידישען פראלעטאריאט, נור דעם גאנצען פראלעטאריאט אהן אונטערשייד פון נאציאן, וואס האט זיי באשאפען. די דיקטאטור פון פראלעטאריאט באשטעהט אין פארכאפען דעם אפאראט פון פאליטישער מאכט און פארווירקליכען דעם סאציאליזם. די פאליטישע מאכט, די באהערשונג פון די מאטעריעלע גיטער, די אנפיהרונג מיט דער ווירטשאפט און מיט דער באפרידיגונג פון אלע באדערפעניסען פון דער געזעלשאפט פארווירקליכט דער ארבייטערקלאס אין די ראהמען פון יעדער מלוכה און אינטערנאציאנאל. אנדערש קאן עס ניט זיין. נור די געוועזענע פועלי ציוניסטען און ס. ס., היינט קאמוניסטען, קאנען זיך ניט שיידען מיט די פאנטאזיעס וועגען אלוועלטליכקייט, וועגען אידישער עקאנאמיק און ברייטע קאמפעטענץ. דער בונד איז שטענדיג געשטאנען אויפ'ן אינטערנאציאנאלען שטאנדפונקט. די נאציאנאלע אויפגאבען זענען פאר איהם שטענדיג געווען בלויז אויפגאבען פון קולטורעלען שאפען. און דוקא אין קולטור געביט, וואו מיר ארבייטען מעהר פאר'ן מארגענדיגען טאג, איז די מאסענשאפונג, די זעלבסטשטענדיגקייט פון די מאסען א מוז, אהן וועלכען די קולטורארבייט פארלירט יעדע ממשות, אהן וועלכע זי איז פרוכטלאז און טויט. די דיקטאטור פון דער מינדערהייט קאן געדאכט ווערען צוליב פארכאפען, איינעהמען, פיהרען מלחמה. צוליב ארגאנישער בויאונג, קולטורעלער שאפונג דארף מען די ארבייט פון די, פאר וועמען עס שאפט זיך און בלויז זיך.

אין אלגעמיינעם רוסלענדער מאסשטאב [illegible] שטעלט די אלגעמיינע לינקע [illegible] ליכקייט, די איבעריגע פרינציפען [illegible] די פרייע ערציהונג [illegible] אליקטישער גייסט. די דאזיגע [illegible] קאנען ניט איבערגעגעבען ווערען [illegible] פון דער אדער [illegible] אבער די פארווירקליכונג קאן [illegible] ווי דורך [illegible] פון די מאסען. דאס פאר[illegible] פון קרעפטען אין אלגעמיינ[illegible] מאסען [illegible] גאראנטירט דעם אידישען ארבייטערקלאס די העגעמאניע אין דער [illegible] ארבייט אויף דער אידישער גאס. אונזער צענטראלע אויפגאבע איז אבער [illegible] די אקטיוויטעט און די זעלבסטשטענדיגקייט, אריינציהען אין דער [illegible] פון סאציאליסטישער קולטור-ארבייט די ברייטסטע אידישע ארבייטענדע און ארימע מאסען, מאכען א סוף צו דער [illegible] און פרוכטלאזער איזאלירטקייט פון אידישען פראלעטאריאט צווישען די ארימע אידישע מאסען.

מיר דארפען אויך ניט פארגעסען וועגען די אויסערליכע מניעות. אויב ס'איז דא א געביט, וואו מיר קאנען ניט נעמען אויף זיך די גאנצע פאראנטווארטליכקייט פאר דער מאכט, איז דאס דוקא דער געביט [illegible] פון מען איבער וועגען שוועריגקייטען, מיט וועלכע די אידישע קולטור-ארבייט טרעפט זיך. דער דעקרעט וועגען נאציאנאלע סעקציעס ביי די בילדונגס-אפטיילונגען ווערט ניט אנערקענט. אין דער פראווינץ זאגט מען זיך אפ צו שטיצען אידישע שולען, צו באשטימען אידישע לערער. [illegible] ערט רוסישע אונטעריכטס-שפראך. מ'זארגט ניט און מ'געהט ניט אנטקעגען די קולטורעלע באדערפעניסען פון די אידישע מאסען. פאראנטווארטליכע פארטרעטער פון דער מאכט מאכען ארויסטרעטונגען געגען נאציאנאלע שולען און זאגען, אז די מוטערשפראך איז נור אנ'איבערגאנגס-מיטעל ביז דער 2 שטופע. עס באמערקען זיך פשוט רוסיפיקאטארישע טענדענצען. מ'מוז קעמפען געגען דעם, מ'טאר מער ניט שווייגען. אין מאסקווע האבען מיר דורכגעפירט א באשלוס וועגען נאציאנאלע קאלעגיעס ביי די בילדונגס-אפטיילונגען, ער איז כמעט ערגיץ ניט דורכגעפירט אין לעבען. מיר האבען זיך אפגעזאגט פון אידישע ארבייטער-ראטען קודם כל צוליב דער ברייטער קאמפעטענץ, וואס אלע פארטייען אחוץ אונז האבען זיי געוואלט צוגעבען. מיר דארפען די פראגע איבערקוקען. דער חורבן אין דעם געביט וועט צווינגען אלע פארטייען איבערקוקען די פראגע און מסכים זיין אויף ריין קולטורעלע קאמפעטענץ. מיר דארפען פארטיידיגען דעם געדאנק, אז די ראטען זאלען זיך פארנעמען נור מיט קולטור-פראגען און אריינציהען די ברייטסטע מאסען. נאך ברייטער, ווי לויט דער ראטענקאנסטיטוציע, אלע אחוץ די עקספלואטאטארען און אונטערדריקער. מיר האבען אויך געזען א פעלער, וואס מיר האבען פארלאזען די קולטור-ליגעס. מ'דארף זיך נעמען אויך פאר אזעלכע פארמען. נור די זעלבסטטעטיגקייט פון די מאסען קאן דא העלפען.

ליטוואקס פארטראג.

די ארבייטער-מאסען האבען זיך ענטוישט אין די קהלות. די קהלות האבען זיך ניט גערעכטפערטיגט מיט די אידישע מאסען, זיי האבען זיך פארוואנדעלט אין ציוניסטישע קרייזלאך. פון דער אנדער זייט קומט אונז אויס אויף אוקראינע צו טרעפען זיך מיט די זעלבע ערשיינונגען, ווי אויך אין ווייסרוסלאנד. די מאכט ווייזט ארויס אסימילאטארישע טענדענצען. די ביוראקראטיע איז אלע מאל אסימילאטאריש. עס קוסט אונז אויס אויף יעדען שריט צו קעמפען פאר דער אידישער שפראך.

דער רעדנער מערקט אן די ריכטונגען בנוגע צו דער נאציאנאלער פראגע אין די אוקראינער בונדישע קרייזען. מיר האבען פון איין זייט מיינונגען, אז ס'איז איצט נויטיג אריינעהמען אין קאמפעטענץ פון דער נאציאנאלער זעלבסטפארוואלטונג אלע זייטען פון לעבען. פון דער אנדערער — זאגט מען זיך אין גאנצען אפ פון נאציאנאלער אויטאנאמיע. די רעכטע און לינקע געהען זיך דא אפט צונויף.

דער אידישער ארבייטער איז אויף דער אידישער גאס א מינדערהייט. ס'איז א ספק צו מיר אליין זיינען די פועלער פון דער אידישער קולטור. דער אידישער ארבייטער ווערט טיילוויז אסימילאטאריש געשטימט. אין געביט פון קולטור איז [illegible] פאר אלץ דער דעמאקראט די ברייטע מאסען. אהן זיי וועלען מיר גארנישט שאפען. שאפען קולטור דורך אידישע קאמיסאריאטען קאן מען ניט. דאס וועט זיין א „אידישער טיש", וועלכער וועט שטעהן פון אויבען און וועט גארנישט געבען.

צוליב א סך טעמים קאן מען איצט קיין פולען דעמאקראטיזם אין נאציאנאלען געביט ניט פארלאנגען. די אידישע קהלות זיינען זיך צופאלען, ווייל זיי האבען גארנישט אויפגעטאן. מיר פראטעסטירען נעגען זייער צוטרייבען, אבער מיר פאדערען, זיי זאלען ארבייטען לויט אלגעמיינע געזעצען — וועגען וועלטליכקייט, מוטערשפראך א. ז. וו. קיין קהלות בויען מיר ניט, אבער פארלאזען זיך אויף קאמיסאריאטען איז אויך ניט [illegible]. מיר דארפען האבען אידישע ראטע פון ארבייטענדע מאסען, און צוציהען אהין דארף מען די ברייטסטע מאסען. מיר האבען שטענדיג געזאגט, אז די פראגען וועגען פאלקס-שפראך, אבליגאטארישע בילדונג, וועלטליכקייט ווערען ניט איבערגעגעבען דעם באשלוס פון יעדער נאציאן. די דאזיגע פראגען דארפען באשטימט ווערען פון דער מלוכה. אויף די דאזיגע יסודות דארפען מיר בויען ברייטע איינריכטונגען, וועלכע ווערען געוועהלט דורך אלעמען אחוץ די עקספלואטאטארישע עלעמענטען. אין אנגעמיין איז דער רעפערענט מסכים מיט די אויספירונגען פון ח' אסתר, נור ער פאדערט, עס זאלען באשאפט ווערען די ארגאניזאציאנס-פארמען פון זייער נאציאנאלער ארבייט און עס זאל געזאגט ווערען, אז די קאמפאניע, וועלכע ווערט געפיהרט מצד געוויסע קאמוניסטישע קרייזען געגען דער אידישער שפראך, גיסט וואסער אויפ'ן מיהל פון דער אנטיסעמיטישער קאנטער-רעוואלוציע.

* * *

פון די פראנטען.

פראנט באריכט פאר'ן 29 מארט.

צפון-פראנט. פינעגער ריכטונג: אונזערע טיילען האבען אונטער'ן דרוק פון שונא פארלאזען נאראסקעקא, 25 וויארסט מערב'דיגער פון דער שטאט פינעגע.

מערב-פראנט. נארווער ראיאן: מיר האבען אפגעשלאגען די פיינדליכע אטאקעס מזרח'דיגער פון נארווע. פסקאווער ראיאן: די רויטע עסטאנישע טיילען האבען פארנומען א רייהע ישובים אויפ'ן מערב-ברעג פון ים [illegible], צווישען פסקאווער און טשודער אזערע.

פעטשארער ריכטונג: הארטיגע קאמפען פון פארשיידענעם ערפאלג. אין מאריענבורגער ראיאן געהט א קאמף 10 וויארסט מזרח'דיגער פון מאריענבורגער אזערע. מיטאווער ראיאן: דער שונא האט פארנומען די סטאנציע גארזון, 10 וויארסט מזרח'דיגער פון מיטאוו.

דרום-פראנט. דאנעצער ראיאן: אונזערע טיילען האבען פארנומען די סטאנציע נעקיטאווקא, ארלאווקא, [illegible]יעווקא, חאצעפעטאווקא. מיר האבען [illegible] כאפט 6 לאקאמאטיוון. דרום-מזרח'דיגער האבען מיר ווידער פארנומען דעם ישוב פרייס - נאוואפאוולאווקא. מזרח'דיגער האט דער שונא צוריק געשטופט אונזערע טיילען ביז דער סטאנציע קארטושינא. וועליקאקניאזשעסקער ריכטונג: אונזערע מיליטער, פארזעצענדיג דעם אנגרייף, האט פארנומען א צוואנציגסטע רייהע ישובים אויפ'ן צפון'דיגען ברעג פון טייך מאניטש. מיר האבען זיך פאראויסגערוקט אויף 15-25 וויארסט אויף א פראנט פון נאהענט צו 100 וויארסט. מיר האבען פארכאפט העכער 1000 געפאנגענע און פולימיאטען. מיר האבען צעשטערט א פיינדליכען געפאנצערטען צוג.

מזרח-פראנט. ארסקער ראיאן: אונזערע טיילען זיינען קעמפענדיג צוריקגעגאנגען צו אסטרובינו, 20 וויארסט צפון-מזרח'דיגער פון ארסק. סטערליטאמאקסקער ראיאן אורטאזימסקער ריכטונג: מיר האבען פארנומען נייע פאזיציעס [illegible] אויבערשטען לויף פון טייך [illegible]. ווערכנע-אורעלסקער ריכטונג: דער שונא האט פארנומען עטליכע ישובים 3 וויארסט דרום'דיגער פון [illegible] ראווסקי. אז [illegible] האבען מיר אין קאמף פארנומען בנקעסאווקא, 35 וויארסט דרום'דיגער פון [illegible]. דערביי האבען מיר פארכאפט א סך געפאנגענע, 5 הארמאטען, 5 פולעמיאטען, 6 קסטן קוילען און א סך אנדערע קריגס-מאטעריאל. ביי דער בעלע בייער אייזענבאן-ליניע זיינען אונזערע אפטיילונגען אונטערן דרוק פון שונא צוריקגעגאנגען אויף 5—10 וויארסט מערב'דיגער אנטווערפען [illegible] זיך אונזער אנגרייף. ביי דער [illegible] נסקער אייזענבאן געהט א שלאכט אין די [illegible] פון טייך אושעס. סאראפולער ראיאן: אויף דער קראסנאאופימסקער אייזענבאן-ליניע האט דער שונא באשאסען מיט ארטילעריע די סטאנציע יאנאאול. אכאנער ראיאן: מיר האבען אפגעשלאגען דעם אנגרייף פון שונא 60 וויארסט מערב'דיגער פון אכאנסק. פערמער ראיאן: צפון'דיגער פון דער אייזענבאן גרעהט א שלאכט מיט פארשיידענעם ערפאלג.

(ראסטא)

פראנט-באריכט פאר'ן 30 מארט.

(ווייטערדיגע ידיעה פון דער ראדיא-סטאנציע, וואס האט זיך באקומען דעם 31 מארט).

צפון-פראנט: אין פינעגער ריכטונג האבען אונזערע אפטיילונגען אפגעשלאגען פיינדליכע אטאקעס אויפ'ן ישוב אוסט-פאטשא, 40 וויארסט דרום-מזרח'דיגער פון דער שטאט פינעגע.

מערב-פראנט. פסקאווער ראיאן, פעטשארער ריכטונג: די רויטע עסטאנישע טיילען זענען אונטער'ן דרוק פון שונא עטוואס צוריקגעצויגען אין דער לעגע פון אייזענבאן-ליניע. מאריענבורגער ריכטונג: די רויטע לעטישע טיילען זענען אונטער'ן דרוק פון [illegible] צוריקגעגאנגען אויף נייע פאזיציעס [illegible] פון דער מאריענבורגער אזערע. ווי [illegible] ראיאן: פארשיידענע שלאכטען פאר'ן פארנעמען די [illegible] גיינעס. פיינדליכע שיפען, וואס האבען זיך באוויזען אויפ'ן ים, האבען געגעבען סיגנאלען מיט ראקעטען. [illegible] ראיאן, [illegible] ריכטונג: [illegible] פון מאזיר קומט פאר א שלאכט.

דרום-פראנט. יוזאווקער ראיאן: אונזערע טיילען האבען אין א פלוצלונגדיגער אטאקע פארנומען די סטאנציע נאוואבארמוטאווקא, סקאטאראטע. דער שונא האט געליטען גרויסע פארלוסטען. בארמוטער ראיאן: אונזער אנגריף אין ראיאן פון רעבאלצעווא ווערט פארגעזעצט. מזרח'דיגער האט דער שונא, אנגרייפענדיג מיט שטארקע קרעפטען, געצוואונגען אונזערע טיילען צוריקצוגעהן אויף דער ליניע סטאנציע פעטראוועלא פון דער אייזענבאן-ליניע קאסטארנאוע—טשערנוני. ליגאנער ראיאן. דורך א ענערגישען אנגריף האט זיך דעם שונא איינגעגעבען צו פארנעמען עטליכע ישובים. א [illegible] צפון'דיגען טייל, דרום'דיגער פון [illegible] האבען מיר אנדערע [illegible] אויספירונגס-אפטיילונגען 10 וויארסט דרום'דיגער פון ליגאנסק. עס זענען אנגענומען געווארען מיטלען צוריקצושטעלען די לאגע. וועליקאקניאזשעסקער ריכטונג: אונזערע טיילען געהען ארויס אויף דער ליניע פלאטאווסקא—סט. וועלמ'ס, 15 וויארסט פון וועליקא-קניאזשעסק.

מזרח-פראנט. ארסקער ראיאן: מיר האבען אפגעשלאגען די פיינדליכע אטאקעס אויף קאלמאצקי, 30 וויארסט צפון-מזרח'דיגער פון ארסק. סטערליטאמאקסקער ראיאן, ווערכנע-אוראלסקער ריכטונג: מיר האבען אפגעשלאגען פיינדליכע אטאקעס אין ראיאן פון ארמעראווא, 60 וויארסט פון קיזיל. אופימער ראיאן: אין אויבערשטען לויף פון טייך בעלאיע האבען אונזערע טיילען פארנומען א רייהע ישובים 20 וויארסט [illegible] דרום'דיגער פון [illegible]. עלסקיע, מזרח'דיגער פון דעם בעלעבייער אייזענבאן-ליניע, זענען אונזערע טיילען, איבערגעהענדיג צום אנגרייף, ארויסגעגאנגען אויף דער ליניע בעקעטאווא—סט. נאווא-יאפאסאווא. דער אנגריף ווערט פארגעזעצט. בוגולמינסקער ראיאן: אונזערע טיילען האבען פארנומען פאזיציעס אין דער לענג פונ'ם טייך אילק. פאר די לעצטע צוויי טעג האבען מיר דא פארכאפט ביז 700 געפאנגענע און 30 פולעמיאטען. סאראפולער ראיאן, מענזעלינסקער ריכטונג: אן ענדערונגען. קראסנאאופימער ריכטונג: דער שונא איז אריבער די אייזענבאן-ליניע און האט פארנומען עטליכע ישובים מזרח'דיגער פון דער

ס׳אנציע יאקאאיל. אָסינסקער ראיאן: אונ־[illegible] האבן אונטער דרוק פון [illegible] עטליכע ישובים. 30 [illegible] פון אס׳ און דעם [illegible] נעבען טייך פון [illegible]

(ראסטא)

פון אוקראאינישן פראנט.

קיעוו, 28 מארט. אפעראציאנס סך הכל [illegible] 7 מארט, אין יאלאטשקער ריכ־[illegible] דער שונא [illegible] דעם איי־[illegible] איבערגעגאנגען צום [illegible] 30 הונדערט [illegible] אינפאנטעריע [illegible] זיך צו שט אויף. [illegible] די רויטע [illegible] די שטאט [illegible] דער שונא טרעט אפ [illegible] אונזער [illegible] באמבעס. [illegible] געהט ווייטער [illegible] צו זיין א גינ־[illegible] פאר אונז.

(ראסטא)

אויפן באראנאָוויטשער פראנט.

[illegible] אויף דרייסיג [illegible] באראנאוויטש.

(ראסטא)

[illegible] שיידענע ידיעות

[illegible]

(באקאראסטא)

[illegible]

(ראסטא)

[illegible]

(ראסטא)

[illegible]

אין פוילן.

דער בונד ביי די וואלן צום ווארשעווער שטאָט־ראט.

ס׳זענען שוין ביי אונז געווען געמעלדעט די רעזולטאטן פון די וואלן אין ווארשעווער שטאט-ראט, ביי וועלכע דער „בונד" האט דורכגעפירט 5 ראטמענער. פון די „לעבענס פראגען", וועהן מיר, וואס פאר א גיוואלטיגע ארבעט די ווארשעווער ארגאניזאציע פון „בונד", האט בעת דער וואל-קאמפאניע אפגעטאן.

פונ׳ם באריכט וועגן דער וואל-ארבייט, וואס דער סעקרעטאר פון וואל-קאמיטעט האט אפגעגעבן אויף אנ׳אלגעמיינע פארזאמלונג פון דער ווארשעווער ארגאניזאציע, דערוויסן מיר זיך פאלגענדעס:

פיים וואל-קאמיטעט האבן געארבעט —אין פארשיידענע וואל-קאמיסיעס—71 חברים אין חבר׳טעס. ס׳האט אויך עקזיסטירט א פראיען-וואל-קאמיטעט, וועלכער האט געהאט 18 וואל-קאמיסיעס צו ארבעטען צווישן די ארבייטער-פרויען אין די פארשיידענע טיילן פון שטאט.

דער וו.-ק. האט ארויסגעלאזען אנ׳אויפרוף, אפגעהאלטן 26 פארזאמלונגען אין די פראפעסיאנעלע פאראיינען און איינעארדענס דריי און זעכציג עפענטליכע מיטינגען און פארזאמלונגען. א חוץ דעם—אנטייל גענומען אין 39 מיטינגען, וואס אנדערע ריכטונגען האבן אָרגאניזירט.

צוליב דוחק אין געלט—זאגט זיך אין באריכט—איז ארויסגעגעבן געווארן ווייניג וואל-ליטעראטור: בס״ה 178,100 עקז. אין לעצטן טאג פון די וואלן—אומזיסט פארטיילט 400 עקז. פון א ספעציעלן נומער „לעבענס-פראגען". הוצאות אויף דער וואל-אגיטאציע האט דער וו.-ק. געהאט 9343.35 מארק. אויף דעם איז א גרויסער טייל גענומען געווארן אויף מיטינגען און ספעציעלע ליסטעס.

די פארזאמלונג האט אנגענומען א רעזאלוציע, אין וועלכער ס׳ווערט קאנסטאטירט, אז די וואל-קאמפאניע אין ווארשעווער ראט איז דורכגעפירט געווארן „אין אנ׳אויסגעהאלטענעם סאציאליסטישן און רעוואלוציאנערן גייסט און אז די ארגאניזאציע אלס גאנצע קאן מיט צופרידענקייט און שטאלץ נעמען אויף זיך די פאראנטווארטליכקייט פאר דער ארבעט פון אונזער וואל-קאמיטעט".

מיט דער איינענער ענערגיע איז אנגעפירט געווארן די וואל-קאמפאניע אין די מייסטע אנדערע שטעט און שטעטלאך פון פוילן, וואו עס געפינען זיך נאר אידישע ארבעטער. און אין די מייסטע שטעט האט די וואל-ארבייט געבראכט ערפאלגרייכע רעזולטאטן.

— אויף דער פראגע וועגן דער טאקטיק פון די אויסגעקליבענע וואל-מענער האט דער צ. ק. פון „בונד", אין פוילן אנגענומען דעם דאזיגן באשלוס:

דארט, וואו די מערהייט אין שטאט איז א בירגערליכע, דארפן אונזערע ראטמענער ניט נעמען קיין אנטייל אין די ארגאנען פון שטאט-ראט (פרעזידיום), סיי פון מאגיסטראט (בירגערמייסטער, לאווניקעס).

דארט, וואו די מערהייט אין שטאט-ראט איז א סאציאליסטישע קאן דערלאזען ווערן א פארשטענדיגונג מיט אנדערע סאציאליסטישע פראקציעס וועגן צוזאמענשטעל פון שטאט-ראט-פרעזידיום און פון מאגיסטראט. דערביי דארפן אבער אונזערע ראט-מענער זיך לאזן פריע הענט בנוגע צו זייער גאנצער טעטיגקייט אין שטאט-ראט.

וואס איז שייך דעם אריינטריט פון אונזערע ראט-מענער ביי א סאציאליסטישער מערהייט אין די אויספירונגס-ארגאנען פון שטאט-ראט (מאגיסטראט) קאן דאס דערלאזן ווערן נאר דאן, ווען די דאזיגע מערהייט איז אינגאנצן איינשטימיג מיט אלע פאדערונגען, וועלכע זיינען פארמולירט אין אונזער פלאטפארם צו די שטאט-ראט וואלן.

[illegible] לעבען

פראדוקטן. דער ח׳ תאומים פארט די טעג אָפּ אין איקראינע אויף צו־[illegible] עם א נקוף פון ניט נארמירטע פראדוקטן פאר ווייס-רוסלאנד.

פאר די שפיטאלען. דער גאר־קאמיסאר האט איבערגעגעבן די קראנקע־[illegible] און ציקער אויף א סאַ־[illegible]. דערביי וועלן באקומען א [illegible] די, וואס ארבייטן ארום [illegible] קראנקע.

אין גובפראדקאם. ס׳איז צו־[illegible] געווארן א פראיעקט פונ׳ם [illegible] פאר׳ן גובפראדקאם אויף דעם יאר. אויף צוגרייטען ה״ו וועט זיך פאדערן 10 מיליאן מיט 354 טויזענד רובל. אויף [illegible] — ארום 40 מיליאן. אויף פלייש, אין [illegible] פלייש-מאכאכאל—ארום [illegible] מיליאן. צוזאמען ארום 88 מיליאן רובל.

אויף אנדערע פראדוקטן ווערט פרא־[illegible] פאלגענדע ביודזשעט: אויף שיך—8 הונדערט טויזנט רובל; קאלאשן—1 מיליאן [illegible] 2 מיליאן ר., צוקער—30 מיליאן ר. אויף זריעה און לאנד [illegible] געצייג—10 מיליאן ר., לעדער 5 מיל ר., שוועבעלאך—8 הונדערט טויזנט ר., קעראסין—1 מיל. ר., טאבאק—4 מיל. [illegible] זייף 1 מיל. מיט 5 הונדערט טויזנט רובל, שרייב-געצייג—1 מיל. מיט 7 הונדערט טויזנט רובל. צוזאמען—60 מיל. רובל.

אויף טראנספארט-צוועקן וועט זיך פאדערן ארום 1 מיל. מיט 600 טויזענד רובל. אויף שכירות די אנגעשטעלטע פון די [illegible]ראדקאמען און וואלפראד-קאמיסיעס [illegible] מיל. מיט 2 הונדערט טויזענד רובל. אויסער דעם דארף מען אין די קומענדע [illegible] אויסצאלן דער פראדקוויארמיי ארום א האלב מיל. ר.

ס׳איז באשטימט געווארן צו פארקלענערן דעם שטאט פון אינסטרוקטארן פון 22 אויף 6. אלע אפטיילונגען פון גובפראדקאם ווערט פארגעלעגט צו פארקירצערן דעם שטאט פון אנגעשטעלטע ביז׳ן מינימום.

— **עקסטרע-רייזעס.** מאנטאג, דאנערשטאג און שבת געהען אָפּ צוגען פאר די, וואס האבן ערלויבענישן אויף עקסטרע-רייזעס. די צייט, ווען די צוגען געהען אפ און קומען אן איז פאלגענדע: אויף ווילנע: געהט אפ [illegible] א זייגער, קומט אן 12 א זייגער מיט 20 מינוט; אויף האמעל: געהט אפ 9 א זייגער, קומט אן 7 א זייגער מיט 48 מינוט פריה.

— **אויסערגעוויינליכער שטייער.** די לעצטע טעג מערקט זיך אין קאזנאטשייסטווע א גרויסע „אטשערעדי" פון דער ארטיגער בורזשואזיע, אויף אריינצוטראגן דעם רעוואלוציאנערן אויסערגעוויינליכן שטייער. דער גרעסטער טייל טראגט דערווייל אריין נור א דריט חלק פון דער „קאנטריבוציע", ווי זיי רופן עס, און די, וואס טראגן אריין מעהרער, פארלייקענען עס פון די ארומיגע און זאגן כלומרשט, אז קיינער צאלט ניט און זיי וועלן אויך ניט צאלן.

פאר ארבייטסלאזע. די אפטיילונג פון סאציאלע פארזארגונג און ארבייטס-שוץ פלעגט ביז איצט ארויסגעבען שטיצע די ארבייטסלאזע לויט פאלגענדען מאָריס: אנ׳ איינצעלנער ארבייטסלאזער פלעגט באקומען 7 רובל א טאג. א ארבייטסלאזער, וואס האט נאך וועמען ניט איז צו ערנעהרען, פלעגט באקומען 10 רובל א טאג. דערביי איז ניט געמאכט געווארען קיין אונטערשייד, וויפיל פערזאנען דער ארבייטסלאזער דארף שטיצן.

איצט האט די אפטיילונג באשלאסן צו נעמען אין אכט די גרויס פון דעם ארבייטסלאזענס פאמיליע און ארויסגעבען צו 2 רובל אויף יעדן פערזאן, וועלכען דער ארבייטסלאזער דארף שטיצן. די מאקסימום שטיצע קען זיין ניט מער ווי 15 רובל א טאג.

א נייער אידישער קינדער היים. די אפטיילונג פון סאציאלע פארזארגונג האט געעפענט א נייע אידישע קינדער היים אויף זאכארעווער גאס, נומער 125 (ראג האספיטאלנע, הויז ניכנעוויטש). דארט ווערען אנגענומען יתומים פון 4 יאר אן. זיי ווערען דארט באזארגט מיט עסען און קליידער. די יתומים געפינען דארט א גוטע היים. די פארוואלטערין פון׳ם קינדער היים איז די חבר׳טע בערטא ציטקינא.

די וואס ווילען אהין אפגעבען קינדער דארפן זיך ווענדען אין האטעל „ארעסא", צימער 17.

א טיי-הויז פאר ארבייטסלאזע. אויף זאכארעווער גאס נומער 81 (אינ׳ם הויף) איז געעפנט געווארן א טיי-הויז פאר ארבייטסלאזע. 1 פארציע טיי מיט ברויט קאסט 60 קאפ.

— **אריבערגעקליבען.** דער אינערן קאמיסאריאט האט זיך איבערגעקליבען אויף פּרעאבראזשענסקע גאס נומער 16.

פון פארטיי-לעבען.

די פלענארע זיצונג פונ׳ם צ. ק. פון בונד

אויף דער ערשטער פלענארער זיצונג פונ׳ם צ. ק. דעם 24—25 און 26 מערץ זענען אנגענומען די פאלגענדע באשלוסע:

1. די קאנסטיטואירונג פונ׳ם צ. ק.

א) דער צ. ק. קאנסטיטואירט זיך אויפ׳ן פאלגענדען אופן: פארזיצענדער — ח׳ א. ווינשטיין, וויצע - פארזיצענדער ח׳ ר. אבראמאוויטש; סעקרעטאר—ח׳ יעקב לעווין קאזנאטשיי—ח׳ אייזענשטאט:

ב) אין ביורא פונ׳ם צ. ק. זענען אויסגעקליבען די חברים: ווינשטיין, אסתר, אייזענשטאט, סיעטיצקי, י. לעווין.

ג) די פלענארע זיצונג פונ׳ם צ. ק. קומען פאר ניט ווייניגער ווי איין מאל אין מאנאט, יעדען שבת נאכ׳ן 1-טען פון יעדען מאנאט.

2. וועגען דער פארטיי-פרעסע.

א) דער „וועקער" בלייבט דער צענטראל-ארגאן פון „בונד".

ב) אלס רעדאקטאר פון „וועקער" ווערט באשטעטיגט די ח׳ אסתר.

ג) אזוי ווי דער געגענד-קאמיטעט פון ליטע ווערט לויט דעם באשלוס פון דער 11-טער קאנפערענץ ליקווידירט, געהט איבער די צייטונג „אונזער שטימע" אין רשות פון דער ווילנער ארגאניזאציע.

די פראגע וועגען דער ווייטערדיגער עקזיסטענץ פון דער דאזיגער צייטונג דארף באשליסן די ווילנער ארגאניזאציע.

3. [illegible] געגענד-קאמיטעטן פון ווייס-רוסלאנד און ליטע.

אזוי ווי די ביידע געגענד-קאמיטעטן ווערען לויט דעם באשלוס פון דער 11 טער קאנפערענץ ליקווידירט, ווערט פארגעלעגט, זיי זאלען גלייך צוגרייטען די געלד-באריכטען פאר דער גאנצער צייט פון זייער עקזיסטענץ אלע ארגאניזאציעס, וואס האבען געהערט צו די ביידע געגענדען, דארפען מיט אלע זייערע געלעגענהייטען זיך ווענדען דירעקט צום צ. ק.

4. וועגען א קאנפערענץ פון בונד אויף איקראינע.

א) דער צ. ק לייגט פאר דעם הויפט-קאמיטעט פון „בונד" אויף איקראינע וואס גיכער דורכצופירען די רעזאלוציע פון דער 11 טער קאנפערענץ פון „בונד" וועגען דער שפאלטונג פון אונזער ארגאניזאציע אויף אוקראינע, איבערהויפט, צונויפצורופען די קאנפערענץ פון „בונד" אויף איקראינע. אויף מיטהעלפען אין דער דאזיגער ארבייט ווערט דעלעגירט אויף אוקראינע דער ח. י. לעווין.

5. פראפעסיאנעלע באוועגונג.

בכדי צו שאפען הילף פאר אונזערע ארגאניזאציעס אין דער אנפירונג מיט דער פראפעסיאנעלער באוועגונג און כדי צו באלויכטען די פראגען פון דער פראפעסיאנעלער באוועגונג אין אונזער פרעסע ווערט באשטימט צו ארגאניזירען א פראפעסיאנעלע קאמיסיע ביים צ ק פון „בונד". אין דער קאמיסיע ווערען איינגעלאדען די חח׳ ראזאנאוו, מאיבערג, ראבינאוויטש, הערציק און לעווים.

6. וועגען דער בערנער דעלעגאציע.

דער צ. ק. באשליסט צו באגריסען די בערנער דעלעגאציע בעת איר באזוכען מאסקווע אינ׳ם גייסט פון רעזאלוציע פון 11-טער קאנפערענץ וועגען אינטערנאציאנאל. די באגריסונג ווערט ארויסגעלעגט אויף דעם ח. אבראמאוויטש.

7. פינאנסען.

דער צ. ק. באשטעטיגט די ווענדונג פונ׳ם ביורא פון צ. ק. צו אלע ארגאניזאציעס וועגען א אפיציעלען מאנאטליכען אפצאל צו גונסטען פון „וועקער". אויסער דעם בעשליסט דער צ. ק., אז אלע ארגאניזאציעס דארפען אריינטראגען אין קאסע פון צ. ק. יעדען מאנאט 10 פראצ. פון זייערע הכנסות.

8. וועגען די „פאראייניגטע".

אזוי ווי אין אונזערע ארגאניזאציעס אויף אוקראינע האט זיך געשטעלט די פראגע וועגען א נאהענטער פארבינדונג מיט דער „איר. פאראייניגטער סאצ. פארטיי", באשטימט דער צ. ק. צו געבען אין אונזער פרעסע אנ׳ארט פאר א דיסקוסיע וועגען דער פראגע.

א מעמאראנדום וועגען די פארפאלגונגען.

די ביורא פון צ. ק. פון „בונד" האט באשטימט צו זאמענצושטעלען א מעמאראנדום וועגען אלע פארפאלגונגען אויף אונזערע ארגאניזאציעס און צושטעלען עס דער מאכט.

די ביורא לעגט פאר אלע פארטיי-ארגאניזאציעס אין א משך פון 2 וואכען צושיקען אלע מאטעריאלען, וואס האבען צו דעם א שייכות, כדי זיי זאלען קענען אריינגעהן אינ׳ם מעמאראנדום.

אין מינסקער קאמיטעט פון „בונד"

אויף דער לעצטער זיצונג פון מינסקער קאמיטעט פון „בונד" איז אנגעמערקט געווארן א פלאן פון דער נאהענטסטער ארבייט.

דער קאמיטעט שטעלט זיך אלס איינע פון זיינע הויפט-אויפגאבען צו ווירקען, אז די מאכט זאל ווירקליך געהערען דעם ארבייטער-ראט און אז דער ראט זאל זיין דער צענטער פונ׳ם פאליטישען לעבען.

— מיטוואך אווענד דעם 2-טען מארט וועט אין „גראסער-קלוב" פארקומען די פארזעצונג פון דער שבת׳דיגער פארזאמלונג וועגען די באריכטען פון דער קאנפערענץ.

— שבת, 5 מארט, 6 אווענד וועט אין גראסער-קלוב פארקומען א מיטינג וועגען די געשעהענישען אין אונגארן.

— דער קאמיטעט האט באשטימט, אז יעדער מיטגליד פון „בונד", וואס ארבייט, זאל געבען ניט ווייניגער פון 20 רובל אלס אויסערארדענטליכען אפצאל פאר׳ן צענטראל-ארגאן פון „בונד" „דער וועקער".

— אלס פארזיצער פון קאמיטעט איז אויסגעקליבען געווארן ח׳ י. לעווין. אין פרעזידיום—די חברים: אלסקר, גוטשטאט און פריד.

א בריף אין רעדאקציע.

ח׳ רעדאקטאר! ערלויבט מיר אפצודרוקען פאלגענדע שורות:

דא אין מינסק געפינט זיך א קינדער-היים פאר היימלאזע קינדער, וואס האבען ניט קיין עלטערן. דער קינדער-היים איז איינגעארדענט געווארן פון אידישען קאמיסאר פאר היימלאזע.

די גאנצע דריי יאר, וואס דער קינדער-היים עקזיסטירט, זענען די קינדער געווען מער אדער ווייניגער באזארגט. לכל הפחות האט זיי ניט געפעלט קיין עסען צו זאט. די קינדער זיינען געווען פרהליך, מונטער.

איצט, אז מען געהט אריין אין קינדער-היים באגעגענט מען א טויטליכע בילד. די קינדער הונגעריגע, פארשמאכטע א טייל פון זיי שלאפט אין צווייען אין איין בעטעל. בכלל זארגט קיינער ניט וועגען די קינדער, און ווען ניט די פארוואלטערין, וואלטען זיי אינגאנצען געווען פארלאזען. און דאס זיינען קינדער פון ארבייטער, וועלכע האבען איבערגעלאזען די קינדער אויף אונזערע הענד.

איך ווענדע זיך צו די חברים און צו די, וואס דארפען זארגען וועגען דער קינדער-היים, אז מען זאל וואס גיכער קומען צו הילף אונזער ארבייטער קינדער-היים, און זעהען אז די קינדער זאל ניט פעהלען קיין עסען.

מ. שעיעוויטש

קארעספאנדענצן.

די טעטיגקייט פון כארקאווער „גראסער־קלוב" אין 1918 יאר.

דער קלוב האט אנגעהויבען זיין עקזיסטענץ סוף נאוועמבער 1917 יאר. פאר דער קורצער צייט האט ער שוין איבערגעלעבט פארשיידענע קריטישע צייטען, דאך איז דער קלוב געווארען איינע פון די אנגעזעהנסטע קולטורעלע ארבייטער-אינסטיטוציעס אין שטאט.

כאטש כארקאוו איז נישט קיין גרויסער אידישער ארבייטער צענטר, פונדעסטוועגען האט די צאהל פארשריבענע מיטגלידער דערגרייכט סוף 1918 יאר נאהענט פון 700.

אינטערעסאנט איז, אז די גרעסטע צאהל מיטגלידער האבען זיך פארשריבען אין די שווערסטע חדשים פון רעאקציע: אין סעפטעמבער, אקטאבער, נאוועמבער, דעקעמבער; אין די חדשים פון פאליטישער אויפלעבונג—פעברואר, מערץ, אפריל—די קלענסטע צאהל, דורכשניטליך האבען זיך פארשריבען יעדען מאנאט ביז 84 מיטגלידער.

אינטערעסאנט איז, אויך דער פראפעסיאנעלער צוזאמענשטעל פון די פארשריבענע.

די גרעסטע צאהל פארשריבענע געהערען צו די נאדעל-ארבייטער 148, האנדעלס-אנגעשטעלטע 143, און לעדער-ארבייטער 106, די קלענסטע צו די פאפיראסניצעס, האלץ און בוי-ארבייטער און אויך אונבאשטימטע פראפעסיעס. דאס כאראקטעריזירט אין א געוויסען גראד, אין וועלכע פאכען זענען די אידישע ארבייטער פארטראטען אין כארקאוו.

די טעטיגקייט פון כארקאווער „גראסער־קלוב איז געווען א פארשיידענארטיגע. איך וועל דא געבען א קורצען איבערזיכט פון אלע צווייגען פון זיין טעטיגקייט.

די ביבליאטעק.

ס׳פארשטעהט זיך, ס׳איז נישט גרינג פאר אנ׳ארבייטער-קלוב מיט באגרענצטע מיטלען צו שאפען אנ׳ערענסטע ביבליאטעק ביי דעם איצטיגען ביכער-קריזיס בכלל און דעם אידישען בוך בפרט. דאך איז עס געלונגען ביסלאכווייז צונויפזאמלען אין ביבליאטעק 1094 ביכער, פון זיי 782 רוסיש, 812 אידיש.

מ׳מוז נאך צוגעבען: דער גרעסטער טייל פון די ביכער, איז בראשורען. אויב עס געפינען זיך עטליכע גוטע ביכער, איז עס רוסישע. דער אידישער טייל איז דורכויס בראשורען. ס׳פעהלט אפילו דאס סאמע נויטיגסטע אין א אידישער ביבליאטעק — די אידישע קלאסיקער.

לעקציעס און אווענדען.

דער קלוב האט אפט ארגאניזירט לעקציעס און אווענדען פארווייליגען, וועלכע זענען באזוכט געווארען פון הונדערטער ארבייטער.

אין גאנצען זענען איינגעארדנט געווארען 33 לעקציעס און פארווייליגען, וועלכע טיילען זיך פונאנדער אויף אזא אופן: 18 לעקציעס אויף געזעלשאפטליכע טעמעס מיט 3950 באזוכער; 5 לעקציעס פון היגיענע מיט 1150 באזוכער; 2 לעקציעס אויף ליטעראראישע טעמעס מיט 8[illegible]0 באזוכער; 5 עקסקורסיעס מיט 255 באזוכער; 5 אווענדען און פארווייליגונגען מיט 1400 באזוכער.

ביים קלוב האבען נאך עקזיסטירט א דראמאטישע סעקציע און א כאר. די דראמאטישע סעקציע האט געשטרעבט צו שאפען א אידישע ארבייטער-ביהנע אין כארקאוו. פאר דער צייט האט זי אויפגעפיהרט עטליכע זאכען. ס׳פארשטעהט זיך, אז כדי צו שאפען אנ׳ארבייטער ביהנע איז נאך ווייניג, אז ארבייטער שפילען אויפ׳ן סצענע, ס׳דארף זיין דער עיקר—די ארבייטער-קונסט, וועלכע איז נאך דערווייל א אידעאל אויף דער אידישער גאס.

דער כאר צעהלט העכער 20 מענשען. ער וואלט געקענט האבען אלע שאנסען אויף אנטוויקלען זיך, ווייל דאס איז איינע פון די צוטריטליכסטע זאכען פאר אנ׳ארבייטער געזעלשאפט. ליידער פעהלט דער אינטערעס פון די מיטגלידער צו שאפען אזא סימפאטישע נויטיגע זאך אין אנ׳ארבייטער געזעלשאפט.

אחוץ דעם, דינט דער קלוב פאר די אידישע ארבייטער אלס אנ׳ארט, וואו מ׳קלייבט זיך צונויף יעדען אווענד אין אנ׳אנגענעהמע אטמאספערע. די צאהל באזוכער דערגרייכט אפט פון [illegible] ביז 3 הונדערט.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס די צייט מאכט ביי די ארבייטער א׳ענג[illegible] אויף פארשיידענע הארבע קשיות, איז פאראן א שוואכער אינטערעס צו גייסטיגער א ענטוויקלונגס-ארבייט.

אברהם׳ל שניידער.

לעצטע נייעס.

[illegible] לאגע פון ארמעניע.

פאריז, 28 מארט. די ארמענישע דעלעגאציע האט זיך געווענדעט צו דער שלום-קאנפערענץ מיט א מעמאראנדום וועגען דער טרויעריגער לאגע פון ארמעניען. צום מעמאראנדום איז צוגעלעגט א טעלעגראמע פון אפיציעלען אגענט פון דער אמעריקאנישער סעקציע, אין וועלכער עס זאגט זיך, אז אין טיפליס און אין עריוואן איז ניטא קיין ברויט. אין דעם גאנצען געגענד איז ניט געבליבען קיין איין הונט, קיין איין פערד, קיין איין קעמעל, קיין איין לעבעדיגע חיה. עס וועט אוועקגעהן א וואך און עס וועלען אומקומען נאך צעהן טויזענד מענשליכע לעבענס.

(ראסטא).

[illegible] ווילסאנען.

ליאן, 28 מארט. עס זענען אנגענומען געווארען באזונדערע מיטלען אפצוהיטען ווילסאנען און די פרעמיער-מיניסטארען, מיט וועלכע ער האלט אפ טעגליך באראטונגען שוין אין פארלויף פון א גאנצער וואך.

אין קאָוונע.

קאוונע, 27 מארט. צווישען די דייטשע סאלדאטען אין קאוונע באמערקט זיך א באוועגונג געגען דער רעגירונג צוליב דעם, וואס עס ווערען ערווארטעט צוזאמענשטויסע צווישען די ליטווינער און די דייטשען. ס׳זענען אויף די גאסען צעשטעלט פולעמיאטען און עס געהען ארום פארשטארקטע פאטרולען. צוויי מאל האבען סאלדאטען געמאכט א באוואפענטען אנפאל אויף דער אמעריקאנישער מיסיע. די דייטשע מיליטערישע מאכט האט ארעסטירט די פארדעכטיגע עלעמענטען. עס זענען געוועזען פאלען, ווען מ׳האט געוואלט מיט געוואלד באפרייען די ארעסטירטע.

א צירקולאר-בריוו צו אלע ראטען, ארבייטס - אפטיילונגען, אונטער־אפטיילונגען פאר פינאנדערטיילען די ארבייטס-קראפט (ארבייטער־בירזשעס).

די אפטיילונג פון דעם ארבייטס-מארק ביי דעם פאלקס-קאמיסאריאט פאר ארבייט אין דער ווייס-רוסיש-ליטווישער רעפובליק טרעט צו איצט צו א ברייטער ארגאניזאציאנס-ארבייט אין דער פראווינץ. די ארבייטס-לאזיגקייט אין ליטע און ווייס-רוסלאנד וואקסט.

די אלע ארבייטס-לאזיקע מוזען פארזארגט ווערען מיט ארבייט, אלע איינריכטונגען—מיט ארבייטס-קראפט. כדי צוטרעטען צו דער גרויסער ארבייט מוז דער ארבייטס-מארק האבען גענויע ידיעות איבער פארשיידענע פראגען. עס ווערט בייגעלעגט א אנקעטע מיט א גאנצער רייהע פראגען, וועלכע דארפען אויסגעפילט ווערען. אין די ערטער, וואו עס געפינען זיך ניט קיין ארבייטס-אפטיילונגען, פראפעסיאנעלע פאראיינען אדער ארבייטס-בירזשעס, דארפען געבען די נויטיגע ידיעות די ארטיגע אויספירונגס-קאמיטעטען אדער אנדערע ראטען-ארגאניזאציעס; אין אלע ערטער, וואו עס געפינען זיך ארבייטס-בירזשעס, מוזען אלע ידיעות געגעבען ווערען דורך זיי. אלע ארבייטס-בירזשעס זענען מחויב גלייך צושיקען באריכטען וועגען זייער טעטיגקייט, ענטפערענדיג אויף אלע פראגען פון דער אנקעטע און דערביי אנווייזען די גענויע צאל פון די ארבייטס-לאזיגע. אחוץ דעם דארפען די ארבייטס-בירזשעס גלייך צושטעלען אין דער אפטיילונג פון ארבייטס-מארק אלע סמעטעס און שטאטען. די געהעריגע ארגאניזאציעס און פאראיינען אין די פונקטען, וואו עס פילט זיך די נויטווענדיגקייט צו עפענען ארבייטס-בירזשעס דארפען צושטעלען אין דער אפטיילונג גענויע מאטיווירטע באריכטען. די ארבייטס-מארק אפטיילונג וועט אינסטרוקטירען אלע ארבייטס-בירזשעס, צושיקען די נויטיגע מאטעריאלען און געלט-מיטלען. וועגען אלע פראגען, וואס האבען א שייכות צו ארבייטס-בירזשעס דארף מען זיך ווענדען אין דער ארבייטס-מארק-אפטיילונג ביי דעם פאלקס קאמיסאריאט פאר ארבייט אין דער ווייס - רוסיש - ליטווישער רעפובליק אין ווילנע.

די אנקעטע:

1) דער נאמען פון דעם באזעצטען פונקט.

2) די צאל באפעלקערונג אין דעם פונקט.

3) וועלכע באשעפטיגונגען זענען מעהר.

4) דער מעהר גרינגערער פארקער מיט ווילנע אין דער שכח פון אייזען-באן.

5) וועלכע פראפעסיאנעלע און פראדוקציאנס-פאראיינען געפינען זיך אין דעם ארט. דער נאמען פון דעם פאראיין, די צאל מיטגלידער. ווען האט ער זיך געגרינדעט און אדרעס.

6) וועלכער ארגאן פון דער ראטען-מאכט פונקציאנירט אין דעם פונקט.

7) וועלכע פאבריקען, זאוואדען און ווערקשטאטען געפינען זיך. דער נאמען פון דער פראדוקציאן, ארבייט זי אדער ניט, ווען ניט איז פון וועלכער צייט אן, די צאל ארבייטער.

8) ווי גרויס איז די צאל ארבייטס-לאזיגע אין דעם פונקט (בערך).

9) וועלכע באשעפטיגונגען זענען מעהר צווישען די ארבייטס-לאזיגע.

10) וועלכער געשלעכט איז מעהר צווישען די ארבייטס-לאזיגע.

אין פאנד פון „וועקער"

דורכ׳ן ח׳ שאפירא פון א חבר פון סטויבץ 20 ר. פון טאלאטשינער ארגאניזאציע 200 ר. פון ח׳ שליאכטער, וויטעבסק 40 ר. ס.ה. 260 ר.

פון דער שוך-ווארשטאט „איינינקייט" פאר איבערגעבליבענעם לעדער פון דער [illegible] אוים׳ן ספעקטאקל לטובת דעם „וועקער" פאנד 27 רוב.

דורכ׳ן ח׳ רייכשוק פון ח׳ רורערמאן [illegible] ר. אייזין 3 ר. ב. ליעווינא 2 ר. 50 ק. ס.ה. 15 ר. 50 ק.

אלס צייכען פון צופרידענקייט מיט דער ארבייט פון שוכ-ווארשטאט.

רעדאקטאר-ארויסגעבער

פרומקינא-וויימאן (אסתר)

באקאנטמאכונג.

דער רעצעפטורען-טיש ביים שטאטישען ערנעהרונגס-קאמיטעט מעלדעט אז ער קלייבט זיך איבער אויף גובערנאטארסקע גאס, הויז נומער 3 (געוועזענער שוך-מאגאזין בראכיס)

גלייכצייטיג ווערט באקאנט געמאכט, אז

1) אויף די רעצעפטען, וועלכע ווערען צוגעשטעלט אין רעצעפטורען-טיש, כדי צו באקומען פראדוקטען, דארף זיין דייטליך אנגעשריבען דער נאמען, פאטערס נאמען און פאמיליע פון דעם קראנקען, זיין אדרעס און דער כאראקטער פון דער קראנקהייט. דער רעצעפט דארף זיין מיט׳ן שטעמפעל פונ׳ם דאקטאר.

2) אזוי ווי דער רעצעפטורען-טיש גיט ארויס פראדוקטען בלויז קראנקע **ארבייטער** און **אנגעשטעלטע** און אויך קראנקע פון דער **ארימער באפעלקערונג**, דארף יעדער, וואס וויל באקומען פראדוקטען, צושטעלען א צייגניש, פון א פראפעסיאנעלען פאראיין, אז ער איז א מיטגליד פון דעם פאראיין אדער פון דעם בעטרעפענדען פאך, אדער א צייגניש פון א געוויסער איינריכטונג (א פאבריק, א זאוואד), אז ער ארבייט דארטען.

3) אויב דער קראנקער איז אליין ניט קיין ארבייטער אדער אנגעשטעלטער, נאר ער געהערט צו דער פאמיליע פון אנ׳ארבייטער אדער אנגעשטעלטען, דארף ער צושטעלען א צייגניש פון פראפעסיאנעלען פאראיין א״ער פון דער איינריכטונג, אין וועלכער דער ארבייטער אדער אנגעשטעלטער געהערט, אז ער ווערט ווירקליך [illegible]

4) קראנקע פון דער ארימער ניט-ארבייטער באפעלקערונג [illegible]

[illegible]

(אונטערשריפט)

פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניגט זיך!

פּרייז 60 קאָפּ.

דער וועקער

צענטראַל-אָרגאַן פון "בונד" אין ראַטען-רוסלאַנד.

די רעדאַקציע און קאָנטאָר געפינען זיך: זאַכאַריעווסקע נומ. 54, זאַקרזשעווסקי'ס הויז, אַריינגאַנג אין הויף
די קאָנטאָר איז אָפען טעגליך חוץ שבת פון 10 ביז 4 אַזייגער

אַדרעס פאַר קאָרעספּאָנדענצען: Минскъ, редакція (конторъ) „Деръ Векеръ“

— ערשיינט טעגליך. —

517 Минск, 2 апреля 1919 2 אַפּריל

מודעה.

עס ווערט אָנגענומען דער אַבאָנעמענט אויף די פאָלגענדע פּעריאָדישע אויסגאַבען פון'ם אידישען פאַרלאַג ביים פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג אין ליטע און רייסען

1) חדש'דיקער זשורנאַל — "די נייע וועלט"
פאַר א יאָר — 48 רובל. 6 חדשים — 26 ר. 3 חדשים 12 ר.
אין איינצעל-פאַרקויף 5 ר. א נומער.

2) צוויי-וואָכיגער זשורנאַל "פאָלקס-בילדונג"
פאַר 3 חדשים — 6 רוב. אין איינצעלפאַרקויף 1 ר. א נומער.

3) צוויי-וואָכיגער קינדער-זשורנאַל "גרינינקע ביימעלאַך"
פאַר 3 חדשים 3 רוב. אין איינצעלפאַרקויף 1 רובל 50 קאָפּ. א נומער.

אַדרעס: ווילנע, בריסקע גאַס 54 פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג, "אידישער פאַרלאַג".

ארבייטער-קאָאָפּעראַטיוו "אייניגקייט"

אויף אויסצומיידען די שפּאַרענעס אין די קראָמען, ווערט פאַרקויפט ווערען פּראָדוקטען לויט דער פאָלגענדער טאַבעלע.

זונטאָג	די ביכלאַך	פון נומ.	1	ביז נומ.	800
מאָנטאָג	-	-	801	-	1600
דינסטאָג	-	-	1601	-	[illegible]
מיטוואָך	-	-	[illegible]	-	[illegible]
דאָנערשטאָג	-	-	[illegible]	-	[illegible]

פרייטאָג די וועלכע האָבען צוליב וויכטיגע אורזאַכען ניט געקענט קומען אין די אָנגעצייכענטע טעג.

די קאָנטאָר פון "אייניגקייט"

האָט זיך איבערגעקליבען אויף יוריעווסקע נומער 6 (אַנטקעגען [illegible] מאַנע ביראָ) אַריינגאַנג פון הויף אָפען פון 10 פריה ביז 5 אָוונט. מעלדונגען ווערען אָנגענומען פון 10 ביז 8.

נייעס אין דער אידישער ליטעראַטור
ס'איז ערשינען א נייע ווערק
וועגען קאָאָפּעראַציע און קאָאָפּעראַטיווען
וואָס איז אַזוינס
א קאָנסום-געזעלשאַפט?
פון י. אייזענשטאַט (יודין)
אַרויסגעגעבען פון מינסקער ארבייטער-קאָאָפּ.
"אייניגקייט"
פּרייז 50 קאָפּ.
דער פאַרקויף אין קאָנטאָר פון "אייניגקייט" יוריעווער גאַס נומ. 6.

די פאַרוואַלטונג פון ארב. קאָאָפּעראַטיוו
"אייניגקייט"
איז אַריין אין אַן אָפּמאַך און האָט איינגעשטעלט א ספּעציעלען ביליגען
פּרייז מיט'ן צאָן-דאָקטאָר
וואָלקאָמיטש
פּרעאָבראַזשענסקע 38
פאַר די מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו וואָס קומען צו איהם היילען די ציינער, פּלאָמבירען, אד. [illegible] מאַכען נייע ציינער

קאָמפּלעקטען "וועקער"

פאַר דער צייט פון דער קאָנפערענץ (די דעבאַטען, רעזאָלוציעס א. א.) קען מען [illegible] אין קאָנטאָר פון "וועקער" מינסק זאַכאַריעווסקע 54.

די קאָנטאָר.

[illegible] פאַראיין פון די

האַנדעלס-אָנגעשטעלטע איז אַריבערגעפאַרען

אין [illegible] אין געוועזענעם גובערנאַטאָר-הויז, 2-טער שטאָק.

מודעה.

די [illegible] פון מינסקער גיברעווקאָם האָט זיך איבערגעצויגען פון [illegible] אין פּרעאָבראַזשענסקע 16.
[illegible] אָפּטיילונגען: די בירגערליכע, די פאַר[illegible] פאַר אינפאָרמאַציע און אינסטרוקצ.
[illegible] רעגיסטראַציע-אָפּטיילונגען.
[illegible] דער פאַרוואַלטונגס-אָפּטיילונג
פון מינסקער גיברעווקאָם (אונטערשריפט)

[illegible] אין ארבייטס-הויז, [illegible] נומ. 3

א שטאָטישע קאָנפערענץ

פון [illegible] די [illegible] פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און פאַבריק-קאָמיטעטען.
טאָגעסאָרדנונג:
[illegible] וועגען דער ראַטען-אינספּעקציע.

"פאַראייניגטער בויע"

[illegible] אין עס איינגעשטעלט געוואָרען [illegible] פּראָדוקטען:

3.0-1
600-3.0
900-6.0
1200-9.0
1500-[illegible]
1800 און ווייטער.

די פאַרוואַלטונג.

צו דער טהאט!

[illegible] אידישע פּראַ[illegible] [illegible] אין ראַטען [illegible] אידישע קאָמיסאַרן. ביי אַלע אידישע [illegible] פּאַרטייען [illegible] אין [illegible] פראַגע [illegible] מיינונגס פאַרשידענהייטען [illegible] [illegible] אידישע שולען [illegible] נאָך א ביטע, [illegible] נאַיווען קאָסמאָפּאָליטיזם. [illegible] קינדער אויף [illegible] אין מינסק [illegible] נאַציאָנאַלע סעקציעס ווערט [illegible] אין גאַנצען ניט דורכגעפיהרט [illegible].

אין [illegible] איז געדרוקט א בריף אין רעדאַקציע וועגען דער זעלביגער פראַגע. [illegible] די נאַציאָנאַלע קאָלעגיעס [illegible] די בילדונגס-אָפּטיילונגען.

אונזער באַראַטונג אין מאָסקווע האָט אָנגענומען דעם באַשלוס וועגען די קאָלעגיעס. סומך זייענדיג זיך אויף די דעקרעטען און אויף דער קאָנסטיטוציע מיר האָבען געהאָפט, אז די אידישע ארבייטער וועלען בכח זיין דורכשלאָגען זיך, אז די רעכט, וועלכע זענען אָנערקענט דורך דעם געזעץ, זאָלען באמת דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען. מיר זעהען אָבער, אז אונזערע פאָדערונגען זענען ניט מקוים געוואָרען. די דעקרעטען פון דער מאָסקווער רעגירונג ווערען אין אונזער געגענד ניט אָנערקענט פאַר אָבליגאַטאָריש.

אויב מיר זענען אַרויסגעטראָטען געגען דעם געדאַנק פון אידישע ראַטען, איז דאָס געווען הויפּטזאַכליך צוליב דעם, וואָס אַלע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען האָבען אַרויסגעשטעלט פאַר די דאָזיגע ראַטען א ברייטע קאָמפּעטענץ.

עס שטעהט אָבער איצט די ברענענדע פראַגע וועגען אַרויסרופען צום לעבען די קולטורעלע זעלבסטשטענדיגקייט פון די אידישע אָרעמע מאַסען, וועגען דורכשלאָגען זיך אָנערקענטע פאָרמען פון דער דאָזיגער זעלבסטשטענדיגקייט. דאָס איז די וויכטיגסטע. דאָס איבעריגע איז פּרטים. און די פאַראַנטוואָרטליכע פיהרער פון אַלע אידישע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען מוזען דאָס פאַרשטעהן.

עס באַשאַפט זיך א באָדען פאַר א איינהייטליכער טהאט אין דער דאָזיגער פראַגע. דאָס לעבען אַליין מערקט אָן, אז די געקליבענע נאַציאָנאַלע אָרגאַנען דאַרפען באַשאַפען ווערען קודם כל צוליב באַפרידיגען די קולטורעלע באַדערפענישען פון די אידישע מאַסען. קולטורעלע באַדערפעניש אין ברייטסטען זינען פון וואָרט — אַלץ, וואָס האָט צו טון מיט בילדונג, וויסענשאַפט, קונסט, ערציהונג. אויב דער קאָמיסאַריאַט פון פאָלקס-בילדונג באַקומט אין זיינע הענד אַלע אַנשטאַלטען פון סאָציאַלער הילף פאַר קינדער, דאַרף דאָס אויך געבויט ווערען אויף נאַציאָנאַלע יסודות. אויב איהם געהערט די השגחה איבער מינדעריעהריגע פאַרברעכער, געהט דאָס אויך אַריין אין רשות פון די נאַציאָנאַלע אָרגאַנען. אויב ער ווערט צוגעצויגען צו באַפרידיגען די קולטורעלע באַדערפעניש פון קראַנקע, אַרעסטאַנטען א. ז. וו., וואו די ארבייט ווערט געפיהרט אינטערנאַציאָנאַל, דאַרפען האָבען א שייכות דערצו די נאַציאָנאַלע אָרגאַנען.

עס קומען איצט פאָר צווישען-פּאַרטייאישע באַראַטונגען, אויף וועלכע מ'באַהאַנדעלט די מעגליכקייט צו פאָרמולירען געמיינזאַמע פאָדערונגען אין דעם געביט, אונגעפעהר אין דער געשטאַלט פון ראַטען-ערער קאָמיטעטען, געקליבען אויפ'ן יסוד פון דער ראַטענקאָנסטיטוציע, וואָס באַקומען אין זייער רשות די באַפרידיגונג פון אַלע קולטורעלע באַדערפענישען פון די נאַציאָנאַלע גרופּען. שאַפען דורך פאַרבינדונגען אויעזדנע, גובערנסקע און צענטראַלע נאַציאָנאַלע אָרגאַנען און ארבייטען אין פאַרבינדונג מיט די בילדונגס-קאָמיסאַריאַטען און אָפּטיילונגען.

פאַר די פּועלי ציון און ס. ס., וואָס האַלטען, אז די קאָמפּעטענץ דאַרף זיין ברייטער, פאַר די, וואָס געפינען, אז די קאָמפּעטענץ דאַרף בכלל באַשטימט ווערען דורך דער נאַציאָנאַלער גרופּע אַליין, איז די דאָזיגע פּלאַטפאָרם א געוויסער מינימום, וועלכען זיי האָפען צו פאַרברייטערן מיט דער צייט. אָבער מיר זענען טיף איבערצייגט, אז דאָס לעבען אַליין, דער פּראָצעס פון סאָציאַליסטישער בויאונג אויף אינטערנאַציאָנאַלע יסודות אין געביט פון ארבייטשוץ, סאָציאַלער הילף, פאָלקסגעזונד, וועט פּראַקטיש אַראָפּנעהמען פון טאָגעסאָרדנונג די פראַגע וועגען נאַציאָנאַלער סאָציאַלער הילף, נאַציאָנאַלער ארבייטסשוץ א. ז. וו.

אויב ס'וועט זיך איינגעבען צו פאָרמולירען געמיינזאַמע פאָדערונגען און אַריינטראָגען זיי אַלס פּראָיעקט פאַר דער ליטוויש-ווייסרוסישער קאָנסטיטוציע, וועט דאָס געבען די מעגליכקייט צו פאַראייניגען די גאַנצע אידישע ארבייטערשאַפט צו איין פּאָליטישער טהאַט פון איינשטעלען זיך פאַר זייערע קולטורעלע אינטערעסען. און דאָס קען האָבען די גרעסטע באַדייטונג אין פּראָצעס פון אויפוועקען די אַקטיוויטעט און זעלבסטטעטיגקייט פון די אידישע מאַסען אין דער דאָזיגער אָנגעווייטאָגטער, קראַנקער פראַגע.

* * *

די עלפטע קאָנפערענץ פון בונד.

דעבאַטען וועגען די אידישע פראַגע

(פאָרמיטאָג-זיצונג: דעם 21-טען מאַרט).

הורוויטש (מינסק). איך בין אין גרונד גענומען ניט קיין גרויסער אָנהענגער פון דער נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע, אָבער איך וועל זי פאַרטיידיגען. ח' אסתר אָנערקענט, אז די קולטור קאָן זיך ענטוויקלען נור ביי דער זעלבסטשטענדיגקייט פון די מאַסען, און דאָס איז מעגליך נור ביי דער דעמאָקראַטיע. די דיקטאַטור, וועלכע איהר אָנערקענט, שליסט אויס די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. מ'קען ניט שטעהן פאַר דעמאָקראַטיע אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, ווען מ'איז געגען דעמאָקראַטיע אין דער אַלגעמיין פּאָליטישער פּאָזיציע.

קראַסינסקי. שולדיג אין'ם חורבן איז ניט נור די אַפּאַטיע פון די מאַסען. עס פעהלט א צענטער, וועלכער זאָל פאַראייניגען און שטיצען די קולטורעלע ארבייט. די דעמאָקראַטישע ארבייט, וועלכע מיר לעגען פאָר, געפינט זיך ניט אין קיין ווידערשפּרוך מיט אונזער אַלגעמיין-פּאָליטישער פּלאַטפאָרם. אין וויטעבסק איז די בילדונגס-אָפּטיילונג איינגעגאַנגען אויף אָרגאַניזירען א אידישען ראַט, געקליבען פון אַלע ארבייטסענער, מ'דאַרף געבען אונזערע אָרגאַניזאַציעס א לאָזונג גלייך צו צוטרעטען צו דער קולטורעלער ארבייט.

עטקין. וואַרפט אויף די לינקע דעם ווידערשפּרוך צווישען זייער פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער פּאָזיציע.

וויינשטיין. קאָנסטאַטירט, אז אין די אידישע פראַגען זענען די רעכטע גרויסע בעלנים אויף דיקטאַטור, אויף דורכפיהרען אונזערע פאָדערונגען (וועלטליכקייט, מוטערשפּראַך) אין'ם אַלגעמיינעם מלוכה-מאַסשטאַב און ניט איבערגעבען די דאָזיגע פראַגען דער פרייער זעלבסט-באַשטימונג פון אידישען קליינבירגערטום.

דער רעדנער כאַראַקטעריזירט די סויטקייט, וועלכע האָט געהערשט אין די קהלות. מ'מוז שטרעבען צו שאַפען אידישע אָרגאַנען אויפ'ן יסוד פון דער ראַטענקאָנסטיטוציע. מ'דאַרף באַשאַפען שוין א צענטער, וואָס זאָל קעמפען פאַר אַזעלכע אָרגאַנען און נעהמען דערווייל אין די הענד די בילדונגס-ענינים. דאָס קענען זיין אַרבייטער-קאָמיטעטען, געקליבען פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, קאָאָפּעראַטיוען, קולטורעלע חברות א. ז. וו.

סעמקאָווסקי. די קולטור ארבייט קאָן מען ניט בויען אויף דיקטאַטור. געגען די טענדענצען פון אַסימילירען מיט געוואַלד דאַרף מען קעמפען. מיר קעמפען פאַר די ראַטענקאָנסטיטוציע אין אַלגעמיינעם מאַסשטאַב, דאַרפען מיר קעמפען פאַר דורכפיהרען זי אויף דער אידישער גאַס. אָבער די לינקע מוזען אָנערקענען, אז אויב דאָס וועט זיך אונז איינגעבען, וועט דאָס ניט זיין קיין דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, נור פון אידישען קליינבירגערטום, און איר דאַרפט דערויף געהן באַוואוסטזיניג, שטופען די מאַסען אויף דעם דאָזיגען וועג. ס'איז וויכטיג, איר זאָלט מיט דער דאָזיגער פאָדערונג אַרויסטרעטען פאַר די אידישע מאַסען.

די דעבאַטען ווערען געשלאָסען.

ליכוואַק (שלוסוואָרט) צו דער פראַגע וועגען קאָמפּעטענץ. מ'מוז אָפּוואַרפען די שטרעבונג צו פאַרנעמען זיך מיט עקאָנאָמישע פראַגען. ווילען מיר, אידישע אַרבייטער זאָלען פאַרנעמען אַן אָרט אין די אַלגעמיינע פאַבריקען, דאַרפען מיר ניט קיין נאַציאָנאַלע אויסטיילונג פון עקאָנאָמישע פראַגען. אין דער פראַגע וועגען דער סאָציאַלער הילף דאַרף מען זיך האַלטען אויפ'ן שטאַנדפּונקט פון ניט ברעכען מיט געוואַלד, פון "שמערצלאָזען איבערגאַנג".

די אידישע אויטאָנאָמיע דאַרף מען ניט בויען פון אויבען, פון גרינדונגס-צוזאַמענפאָרען, עס דאַרף זיך אָנהויבען אַן אַרבייט אויף די ערטער. דער צוזאַמענפאָר פון די אָרטיגע אָרגאַנען דאַרף דערנאָך באַשאַפען א צענטער. מיר דאַרפען פאָדערען א פאַרברייטערונג פון דער ראַטענקאָנסטיטוציע, אַלע אָרימע אידישע מאַסען זאָלען באַקומען וואַלרעכט. אויף די ערטער דאַרפען זיך בילדען ראַטען פון אידישע ארבייטענדע מאַסען און ס'דאַרף אָרגאַניזירען זיך א צוזאַמענפאָר פון אַזעלכע ראַטען.

צום שלוס קאָנסטאַטירט דער רעדנער, אז די דעבאַטען אויף דער קאָנפערענץ האָבען אָפּגעשפּיגעלט די פוסטקייט און דער חורבן אין קולטורעלען געביט אויף די ערטער.

אסתר (שלוסוואָרט). ענטפערט אויפ'ן פאָרוואורף, אז אין אַלגעמיין-פּאָליטישע פראַגען איז זי לינקער, ווי אין אידישע. די רעדנערין איז שטענדיג געוועזען געגען דעמאָקראַטיע ווי אַן אַבסאָלוט. זי האָט שטענדיג געקעמפט געגען דער אידעע פון סאָוועראָניטעט פון דער אידישער נאַציע און געפאָדערט, מיר זאָלען אויסצייכענען דער קליינבירגערליכער מערהייט פון אידישען פאָלק די וועלטליכע שול און די מוטערשפּראַך. מיר זאָלען אין אונזער קאַמף געגען די העבראַיסטען שטיצען זיך אויף דער קראַפט פון'ם גאַנצען אינטערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט.

די רעדנערין האָט שטענדיג דערוויזען, אז מ'דאַרף אין די אַלגעמיינע מלוכה-אָרגאַנען דורכפיהרען אי די שמאָלע קאָמפּעטענץ פון דער קהלה, אי די וועלטליכקייט, אי די מוטערשפּראַך, און ניט שרעקען זיך פאַר דעם, אז דאָס איז א פאַרגעוואַלטיגונג פון'ם "פאָלקסווילען" פון אידישען קליינבירגערטום. אין איצט, אויב די מערהייט אין א אידישען ראַט וועט קעמפען געגען דער מוטערשפּראַך אָדער געגען וועלטליכקייט, וועל איך גאַנץ רוהיג אָנווענדען די גאַנצע קראַפט פון מלוכה-אַפּאַראַט, כדי ניט דערלאָזען דער דאָזיגער "פאָלקסווילען" זאָל מקוים ווערען.

אין א פּריוואַטען שמועס האָט דאָ א לינקער חבר אַרויסגעזאָגט זיין אומצופרידענהייט, וואָס דער לינקער פליגעל פאַרנעהמט ניט אין דער פראַגע קיין באַזונדער פּאָזיציע. דער חבר האַלט זיך פאַר א קאָמוניסט. איך מוז איהם זאָגען, אז די רעוואָלוציאָנערסטע, לינקסטע פּאָזיציע אין דער פראַגע איז די אַלטע פּאָזיציע פון "בונד", די פּאָזיציע פון אמת'ן אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס לייקענט קאַטעגאָריש אידישע עקאָנאָמיק און אידישע סאָציאַלע הילף, וואָס שטרעבט אויסצונוצען די קראַפט פון אַלרוסלענדער פּראָלעטאַריאַט, כדי ניט אונטערוואַרפען זיך רעאַקציאָנערע באַשלוסען פון דער אייגענער נאַציאָן, וואָס קעמפט געגען אידעע פון סאָוועראָניטעט פון דער אידישער נאַציאָן, אָבער פאַרלאַנגט זעלבסטטעטיגקייט פון די ארבייטענדע אידישע מאַסען. דער זעלבער חבר איז געגען ספּעציעל אידישע קולטור-ראַטען. ער האַלט, אז די אידישע קולטור-ארבייט דאַרף אַרויפגעלעגט ווערען אויף די אידישע מיטגלידער פון די אַלגעמיינע ראַטען. דאָס הייסט דערשלאָגען יעדע קולטורעלע זעלבסטטעטיגקייט פון די אידישע מאַסען.

חבר מינדעל, וועגען וועלכען די ח' אסתר האָט דערמאָנט אין איהר שלוסוואָרט, בעט א וואָרט אויף פּאָזיציע. עס ווערט באַשלאָסען צו געבען איהם א וואָרט און געבען די רעפערענטען צו 5 מינוט אויף ענטפערן איהם.

חבר מינדעל (לינקער פליגעל) רעדט אין זיין אייגענעם נאָמען. ער האַלט, אז די גאַנצע פּאָזיציע, וואָס מ'פאַרט דאָ, איז א געפעהרליכע. מיר וועלען [illegible] פון ראַטען פון אַלע אידען און [illegible] ווייבער, וואָס וועלען בויען תלמוד תורות, ס'וועלען זיין די זעלביגע אַלטע קהלות. מיר דאַרפען א פּראָלעטאַרישע [illegible] די אידישע קליינבירגערליכע מאַסען [illegible] נאָך די ציוניסטען, זיי קענען קיין פּראָלעטאַרישע קולטור ניט שאַפען; מ'דאַרף פאַרוואַרפען דעם געדאַנק פון אַזעלכע ראַטען. מ'דאַרף פאָרמולירען די גרויסע אויפגאַבען פון פּראָלעטאַרישער קולטורשאַפונג. די אידישע ארבייטער זענען בכח אַליין צו בויען די נייע קולטור. אין ליטע האָבען זיי עס געטון, ביי די שווערסטע באַדינגונגען פון אָקופּאַציע.

אסתר. איך האָב באמת געוואָלט פּראָוואָצירען די אַרויסטרעטונג פון ח. מינדעל, ווייל אַזעלכע שטימונגען זענען טיפּיש און מ'מוז זיך מיט זיי רעכענען. די קולטור-ארבייט בויט פאַר'ן מאָרגענדיגען טאָג. גלויבען מיר פעסט אין די סאָציאַלע רעוואָלוציע, ערציהען מיר די שולען בירגער ניט פון דער קלאַסען-געזעלשאַפט, נור פון דער פרייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. דער בורזשואַזיע גיבען מיר א קלאַסען-פּאַיאַק, אָבער איהרע קינדער גיבען מיר אַלץ גלייך מיט די איבעריגע און זאָגען צו די דאָזיגע קינדער: איהר וועט זיין בירגער פון יענער געזעלשאַפט, וואו קיין קלאַסען וועט ניט זיין. עס דאַרף זיך בויען א סאָציאַליסטישע קולטור, א [illegible] מער אין איהר זענען אַלע, טאָר [illegible] מען. דער וועג פון סאָציאַליזם איז דער איינציגער וועג אויפגעריכט צו ווערען: ניט נור ארבייטער, נור [illegible] אַלע אָרימע, אונטערדריקטע, רואינירטע, ליידענדע, ארבייטענדע. אינ'ם אַלגעמיין-רוסלענדער מאַסשטאַב פיהרט זיך די קולטור ארבייטער ניט לויט מינדעל'ס שמאָלע שיטה, נור לויט מיינער — אויף א ברייטען מאַסשטאַב. דער חבר מינדעל האָט ניט מורא געהאַט צו פאָדערן פאַר די אַלע אידען און [illegible] ווייבער דאָס רעכט צו באַטייליגען זיך [illegible] אין די אַלגעמיינע [illegible] מיט דער דאָזיגער פאָדערונג. קאָן דאָך א קליינשטעטלדיגער [illegible] וועלכע עלעמענטען. דאַרף ער ניט [illegible] א האָבען פאַר זיך אין אידישער קולטוראַרבייט. אָפּקלייבען די בעסטע כחות פון ארבייטערקלאַס פאַר קולטור-ארבייט קאָן מען נור דורך באַזונדערע אָרגאַנען.

ליכוואַק. דער חבר מינדעל דאַרף ניט מורא האָבען. אז אין די אידישע ראַטען [illegible] די אַלגעמיינע פּרינציפּען פון דער ראַטענמאַכט וועלען זיין פאַר זיי א [illegible] וועלטליכקייט, מוטערשפּראַך א. ז. וו. [illegible] גאַראַנטירט [illegible] דורך אַן אַלגעמיינעם געזעץ. אָבער די דורכפיהרונג דאַרף געשעהן דורך די מאַסען [illegible] די קולט-פראַגען די אידישע [illegible] פון [illegible] די ארבייט [illegible] וועלכען מיר האָבען אַלץ [illegible] אויסצוטיילען.

די דעבאַטען ווערען געשלאָסען. [illegible] א קאָמיסיע [illegible] א רעזאָלוציע. [illegible] ליכוואַק, אסתר.

אין קאָמיסיע [illegible] אָרגאַניזאַציאָנס-פראַגען געהען אַריין [illegible] צ. ק. און פון די [illegible] פאַרטרעטער פון דעם לינקען פליגעל, ווייל זיי זיינען ניטאָ אין צ. ק. און כמעט ניטאָ אין די געוויינטע קאָמיטעטען.)

* * *

אין אויסלאַנד

דייטשלאַנד.

דאָס ראַטען-סיסטעם ווערט אַריינגענומען אין דער קאָנסטיטוציע.

נויען, 27 מאַרט. ווי עס גיט איבער די "דייטשע אַלגעמיינע צייטונג", וועט [illegible] אין דער ווייִמאַרער קאָמיסיע אויף אויסצואַרבייטען די קאָנסטיטוציע אָנקומען דער פאָרשלאַג פון דער רעגירונג וועגן אַריינעמען אין דער קאָנסטיטוציע דאָס ראַטען-סיסטעם. אויב דער ווייכטיגער באַשלוס וועט פאַרווירקליכט ווערען, וועט אין דייטשלאַנד באַשטעהן ווערען א סיסטעם פון א 3 פּאַלאַטיגען פּאַרלאַמענט, ווייל די ראַטען, אָרגאַניזאַציעס וועלען האָבען דאָס רעכט אַריינצוטראָגען געזעץ-פּראָיעקטען. אויף אַזא אופן ווערט באַזייטיגט דער ביזאַנטיגער פּרינציפּ פון דער רעגירונג, אז די ראַטען זאָלען זיין נאָר ריין ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס. (ראָסטאַ).

ערב אַן אַלגעמיינעם שטרייק אין שטוטגאַרט.

נויען, 30 מאַרט. שטוטגאַרט [illegible] אַן אַלגעמיינעם שטרייק. די ארבייטער-מאַסע איז אויף דער זייט פון די ספּאַרטאַקיסטען. די רעגירונג איז מסכים צו ערפילען פאָלגענדע פאָדערונגען, וואָס זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרען פון פאַרשיידענע זאַוואָדען: לעגאַליזירען די ארבייטער-ראַטען, פאַרפאָלגען די ספּעקולאַנטען, ענערגיש דורכפיהרען די סאָציאַליזאַציע פון דער אינדוסטריע, זיכערן א געזעצליכען ארבייטס-לוין, 8 שעה'דיגער ארבייטס-טאָג, תיכף אַרונטערנעמען אונטער קאָנטראָל פון דער מלוכה אַלע אינדוסטריע-צווייגען, וואָס ארבייטען אויס שיך און קליידער. (בעלאָראָסטאַ)

אין בייערן.

נויען, 30 מאַרט. [illegible] ן בייערן ווערט דורכגעפיהרט די סאָציאַליזאַציע פון דער גאַנצער פּרעסע. (בעלאָראָסטאַ)

6 שעה'דיגער ארבייטס-טאָג.

נויען, 28 מאַרט. די בערגער ארבייטער פון ריינוועסטפאַלישען ראַיאָן אין דייטשלאַנד האָבען זיך אין א סך אונטערנעמונגען דערשלאָגען א 6 שעה'דיגען ארבייטס-טאָג.

די [illegible] פון [illegible] בראָקדאָרף.

בערלין, 28 מאַרט. צוליב [illegible] בראָקדאָרף האָט זיך [illegible] קייט אין דייטשלאַנד [illegible] 5 ביז 10 יאָר [illegible] אין פאַרגלייך מיט'ן 13 יאָר [illegible] טערט אויף 15 פּראָצ. (ראָסטאַ).

די רעוואָלוציע אין אונגאַרן.

בודאַפּעשט, 30 מאַרט. די באַפעלקערונג אין דער פּראָווינץ איז אומעטום אויף דער זייט פון דער רעוואָלוציע. (בעלאָראָסטאַ)

נויען, 27 מאַרט. די אונגאַרישע נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג האָט לויט'ן פאָרשלאַג פון איהר פאָרזיצער באַשלאָסען צולאָזען זיך. קאַראָלי [illegible] אָנגענומען א רעוואָלוציע אין דעם זין די [illegible] האָבען ביי אַלגעמיינע [illegible] מענשען אָנגעוויזען [illegible] צו פאַראייניגען אַלע [illegible] צו שטיצען די [illegible] רעגירונג. די [illegible] צווישען בודאַפּעשט און וויען א איבערגעריסען, ווייל די [illegible] בען, ווי מ'גיט איבער, פאַרנומען די שטאָט ראַב. (ראָסטאַ).

אונגאַרנס אויסערליכע פּאָליטיק.

בודאַפּעשט, 31 מאַרט. אין צוזאַמענהאַנג מיט די טענדענציעזע קלאַנגען, וואָס ווערען פאַרשפּרייט פון דער בורזשואַזער אַנטאַנטע'שער פּרעסע, ערקלערט די אונגאַרישע פּרעסע-ביוראָ, אז אונגאַרן האָט קיינעם ניט ערקלערט א מלחמה און אז דאָס ראַטען-אונגאַרן שטרעבט צו לעבען אין פריד [illegible] באַציהונגען מיט אַלע שכנה'שע מלוכות. (בעלאָראָסטאַ)

אונגאַרן און די אַנטאַנטע.

ליאָן, 30 מאַרט. די אַמעריקאַנישע מיסיע בלייבט ווייטער אין בודאַפּעשט. די [illegible] אונגאַרישע רעגירונג באַציהט זיך צו דער מיסיע זייער קאָרעקט און [illegible] באַציהונגען מיט וויען. (בעלאָראָסטאַ)

אויף דער שלום-קאנפערענץ.

ליאן, 30 מארס. די פראנצויזישע פא־דערונגען האבען געשטעלט די שלום-קאנ־פערענץ אין א זעהר שווערער לאגע. א גאנצע וואך איז אוועק אין דיסקוסיעס וואס האבען ניט געבראכט צו קיין שום רעזולטאט. די פראנצויזען פאדערען דעם גאנצען [illegible] געביט, ביז וואנען דייטש־לאנד וועט ניט באצאהלען איהר חלק. (בעלאראסטא)

איבערגעגעבען דייטשע האנדעלס־שיפען דער אנטאנטע.

שטאקהאלם, [illegible] מארס. ווי עס מעל־דען די ענגלישע צייטונגען, איז די ערשטע פארטיע האנדעלס-שיפען, וואס דייטשלאנד גיט איבער דער אנטאנטע, אנגעקומען אין ענגלאנד. (בעלאראסטא)

אין שוועדען.

שטאקהאלם, 29 מארס. די קאנפערענץ פון די אייזענבאנען־ארבייטער האט ער־קלערט דער רעגירונג, אז אויב זייערע פא־דערונגען וועלען ניט ערפילט ווערען, וועט ערקלערט ווערען א שטרייק אויף די אייזענבאנען. (בעלאראסטא)

אין דייטש עסטרייך.

וויען, 3 [illegible] די [illegible] דייטש-עסטרייך איז א [illegible] פאראייניגונג, אז אלע [illegible] האבען [illegible] ערקלערט אלס [illegible] רעפובליק, [illegible] די גרע־נ[illegible] (בעלאראסטא)

א צוזאמענשטויס [illegible]

[illegible] (ראסטא)

פוילען.

70,000 ארבייטסלאזע.

ווילנא, 30 מארס. אין פוילען וואקסט די קאמוניסטישע באוועגונג. אין ווארשע אליין איז פאראן ביז 70,000 ארבייטס־לאזע. (בעלאראסטא)

דאנציג ווערט ניט אפגעגעבען פוילען.

ליאן, 30 מארס. די שלום-קאנפערענץ האט באשלאסען ניט אפצוגעבען פוילען דאנציג צוליב די [illegible] פראטעסט פאר דייטשלאנד. (בעלאראסטא)

[illegible] צווישען די פאליאקען און אוקראינער.

פאריז, 30 מארס. עס האבען זיך ווי־דער אנגעהויבען די אינטערהאנדלונגען וועגען וואפען-שטילשטאנד צווישען די אוקראינער און די פאליאקען. (בעלאראסטא)

אין אוקראינע.

[illegible]

קישינעוו, 28 מארס. אין צוזאמענ־האנג [illegible] ערנעהרונגס־[illegible] איז ערלייבט געווארען דער פרייער האנדעל מיט אלע פראדוקטען אלס א צייטווייליגע [illegible] דעם ערנעהרונגס קריזיס. (ראסטא)

איבער'ן לאנד.

א נייער פרעזידיום פון א. צ. א. ק.

מאסקווע, 3 מארס. אויף דער זיצונג פון א. צ. א. ק. פון 3 מארס איז אויס־געקליבען געווארען א פרעזידיום פון א. צ. א. ק. פון פאלגענדע חברים: אוואנעסאוו, ריקאוו, ס[illegible], סמידאוויטש, סאס־אווסקי, בעלאבאראדאוו, יענוקידזע, קאמע־נעוו, [illegible], נעווסקי, סטאלין. אין סעקרעטאריאט: [illegible]ערסאוו, יענוקידזע, סרעבריאקאוו.

געזעלשאפטליכע ערנעהרונג.

מאסקווע, 31 מארס. דעם 28 מארס איז פארגעקומען א בעראטונג פון פאר־שטעהער פון פארטיי, ראטען און אנדערע ארגאניזאציעס וועגען דער פראגע פון א־רגאניזירען די געזעלשאפטליכע ערנעהרונג אין דער רעפובליק אויף ברייטע קאמוניס־טישע יסודות. די בעראטונג האט באשלא־סען צו ארגאניזירען א צענטראלען ראט פון געזעלשאפטליכער ערנעהרונג. (ראסטא).

מ. גארקיס 50 יעריגער יובילייאום.

אין דער גרויסער אודיטאריע פון פא־ליטעכנישען מוזיי אין מאסקווע איז פאר־געקומען א פייערליכער אווענד געווידמעט מ. גארקין צוליב זיין 50-יעריגען יובילייאום. אויפ'ן אווענד האבען גערעדט לונאטשארסקי, פ. ס. קאגאן און נעמירא־וויטש-דאנטשענקא.

פון די פראנטען.

פראנט באריכט פאר'ן 31 מארט.

מערב-פראנט. אין נארוויער רא־יאן האבען די רויטע עסטאנישע טיילען אין קאמף פארנומען די אקאפעס פון שונא צפון'דיגער פון נארווע. פסקאווער ראיאן: אין פעטשארער ריכטונג האבען די רויטע עסטאנישע טיילען אונטער'ן דרוק פון שונא פארלאזען פעטשארי און פירען א קאמף 5 ווייארסט מזרח'דיגער פון דער שטאט. דרום'דיגער אין ראיאן פון פסקאווער שא־סיי אנטוויקעלט זיך אונזער אנגרייף ער־פאלגרייך ווייטער. מאריענבורגער ריכטונג: אין ראיאן מזרח'דיגער פון דער מאריענ־בורגער אזערע זענען די רויטע לעטישע טיילען קעמפענדיג צוריקגעגאנגען אויף 6 ווארסט. מיטאווער ראיאן: מזרח'דיגער פון באויסק זענען די רויטע לעטישע טיילען צוריקגעגאנגען אויף נייע פאזיציעס.

דרום-פראנט. יוזאווקער ראיאן: אונזערע טיילען האבען פארנומען די סטאנ־ציע דאליא מאנדריקינא. דרום-מערב'דיגער פון יוזאווקע ווערט פארגעזעצט דער אנ־גריף. לוגאנער ראיאן: אונזערע טיילען גרייכען אן אין דער ליניע פון דער איי־זענבאן-ליניע אין דער ריכטונג פון דער סט. פערוואזוואנאיקא.

מזרח-פראנט. ארסקער ראיאן: אויפ'ן ווערכניע-אוראלסקער טראקט זענען אונזערע אפטיילונגען קעמפענדיג צוריקגע־גאנגען צו בארטאזערסק. סטערליטאמאק־סקער ראיאן: אין ווערכניע-אוראלסקער ריכטונג האבען מיר אפגעשלאגען די אטא־קעס פון שונא אויף די וואלאסטען אוויאנא־פעטראווסקע. דרום'דיגער האט זיך דעם שונא איינגעגעבען דורכצורייסען זיך און צו פארנעמען איוסלאמבאיעוו, 20 ווארסט דרום מערב'דיגער פון אוויאנא-פעטראוו־סקי. אופימער ראיאן: מערב'דיגער פון טייך בעלאיא 30 ווארסט דרום-מערב'די־גער פון ארכאנגעלסקאיע האבען אונזערע אפטיילונגען אין קאמף פארנומען מאלאיע־וואא, מורזשאקאווא. דערביי האבען מיר פארכאפט געפאנגענע, א הארמאט און פו־לעמיאטען. אין דער לענג פון בעלעבייער אייזענבאן שלאגען מיר אפ שטארקע פיינד־ליכע אטאקעס. (ראסטא).

פון אוקראינישען פראנט.

שטאב פון דער בריגאדע, 28 מארט. דעם 25 מארס ביינאכט האט זיך אנגעהויבען דער שטורם פון אונזערע אפטיילונגען אויף סיוואש. מיר האבען פארכאפט א פיינדליכען בראנעוויק מיט איינע פילעמי־אטען. דער שונא איז צוריקגעשלאגען אויפ'ן [illegible] ברעג פון סיוואש. ווי עס דערציהלען איבערגעלאפענע איז אויף דער סטאציע [illegible] געהרגעט געווארען דער גענעראל טילא, דער קאמאנ־דיר פון די פרייוויליגע.

קיעוו, 27 מארט. די ראטען-ארמיי האט גענומען געפאנגען דעם אטאמאן קירינקא, איינער פון די אנגעזעהנסטע פירער פון די פעטליוראוועצעס און אנטיילנעמער אין זשיטאמירער פאגראם.

אייניגע פראנצויזישע געפאנגענע, וואס זענען געבראכט געווארען קיין קיעוו, הא־בען אויסגעדריקט זייער ווינטש צו געהן אויף אדעסער פראנט אלס ספעציאליסטען צו פארגעהן זיך מיט די טאנקען, וואס זע־נען פארכאפט געווארען פון דער ראטען־ארמיי. (ראסטא)

צום ארעסט פון צ. ק. פון די מענשעוויקעס.

אין נומער 4 פון ס. ר.'ישען ארגאן „דעלא נאראדא" איז אפגעדריקט פאלגענ־דע בריף אין רעדאקציע (מיר געבען איהם איבער מיט אייניגע פארקירצונגען):

די „איזוועסטיא" פון צ. א. ק. לייקע־נען אפ די ידיעה פון „דעלא נאראדא" וועגען דעם ארעסט פון צ. ק. פון די מענשעוויקעס. לויט דער „איזוועסטיא" האט זיך עס נאר געהאנדעלט וועגען אויסזוכען אזעלכע דעזערטירען, ווי דאן, גארעוו, פלעסקאוו א. אנד. די אינטערעסאנטע גע־בראכטע דאקומענטען—א ערקלערונג, וואס איז געשיקט געווארען אין פרעזידיום פון מאסקווער ראט און דער אפיציעלער ענט־פער אויף דער ערקלערונג, וועלען בא־ווייזען, ווי די זאך איז פארגעקומען אין דער ווירקליכקייט.

דער אינהאלט פון די דאקומענטען איז פאלגענדער (מיר ברענגען זיי אויך עטוואס פארקירצט):

1) ד. מארטאווס א בריף אין פרע־זידיום פון מאסקווער ראט:

די מאסקווער „טשרעזוויטשאינע קא־מיסיע" האט נעכטען, דעם 26 מארס, גע־מאכט אן אנפאל אויף דער וואוינונג פון צ. ק. פון דער ר. ס. ד. א. פ. אין דער צייט, ווען ס'איז פארגעקומען א פאראיי־ניגטע זיצונג פונ'ם צ. ק. מיט'ן מאסקווער קאמיטעט פון דער פארטיי.

דער אנפאל איז געמאכט געווארען אונטער'ן אויסרייד, אז מען זוכט צווישען אונז דעזערטירען. ווען מיר האבען זיך געווענ־דעט דורכ'ן טעלעפאן צו דער מאכט, ווי אויך צו די מיטגלידער פון פרעזידיום פון מאסקווער ראט האבען מיר באקומען אן ענטפער, אז די מעשים פון דער „טשרעזווי־טשאינער" קאמיסיע האבען נאר דעם ציעל איבערצוקוקען די דאקומענטען וועגען מיליטער-דינסט און קיין אנדערע מא־טיוועס פאר'ן אנפאל אויף אונזער וואוי־נונג זענען ניטא.

דאך האט מען אונטער'ן אויסרייד, אז מען זוכט צווישען אונז דעזערטירען, גע־האלטען ארעסטירט אין פארלויף פון 8 שעה אזעלכע פערזאנען, ווי מארטאוו און יערמאנסקי, וועלכע קענען צוליב זייער עלטער קיין שום שייכות ניט האבען צו מיליטער-דינסט. אונטער'ן זעלבען אויס־רייד האט מען פארהאלטען און מען האלט נאך איצט אויך די חברים דאבאנעווסקאיא און בראינסלאוו וואלף, וועגען וועלכע ס'איז גאנץ קלאר, אז זיי האבען ניט קיין שייכות צום מיליטער-דינסט.

נאכדעם אפילו, ווי עלף מיטגלידער פון צ. ק. און פון מאסקווער קאמיטעט זענען באפרייט געווארען, געפינען זיך נאך אלץ 8 פערזאן אונטער ארעסט; דאס זענען די ח"ח: דאן, פלעסקאוו, גארעוו, דא־מענעווסקאיא, בר. וואלף, ב. גורוויטש, קראסניקאוו, ראבינאוויטש און סאספער. נאכמעהר: אויף גארעווס קווארטיר האט מען ארעסטירט זיין קראנקע פרוי. די וואוינונג פון צ. ק. האט מען פאר'חת'מעט און אויף אזא אופן איז געמאכט אן עק צו דער לעגאלער טעטיגקייט פון דער פארטיי.

צום סוף פון זיין בריף לעגט פאר מ. מארטאוו דעם פרעזידיום פון מאסקווער ראט צו ערקלערען [illegible] מעשים פון דער טשרעזוויטשאינער קאמיסיע, צי [illegible]. און בכלל געבען אן ענטפער, צי די מענ־שעוויקעס זענען יעצט געשטעלט אויסער'ן געזעץ.

2) דער ענטפער פון פרעזידיום פון מאסקווער ראט:

אין צענטראל-קאמיטעט פון דער ר. ס. ד. א. פ. (מענשעוויקעס)

דער מאסקווער ראט, אויספערענדיג די ערקלערונג פון פארשטעהער פון צ. ק. פון דער ר. ס. ד. א. פ., געפינט 1. אז בנוגע דער דאזיגער פארטיי בלייבט אין קראפט די באשטימונג פון צ. א. ק. פון 1 דעצעמבער וועגען לעגאליזירען די מענ־שעוויסטישע פארטיי (ביז דער צייט, ביז וואנען די דאזיגע באשטימונג איז ניט אפגעשאפט געווארען אויפ'ן געהעריגען וועג).

2. דער פרעזידיום לעגט פאר דער מאסקווער טש. ק. צוצושטעלען ערקלערונ־גען וועגען איהרע מעשים בנוגע דער אנ־געוויזענער פארטיי, וואס זענען פארגעקו־מען אין דער נאכט פון 20 אויפ'ן 21, אין גלייכצייטיג אנווייזען די אורזאכען פון ארעסט און די אינדיווידועלע שולד פון יעדען פון די ארעסטירטע.

3. דער פרעזידיום האלט פאר נויטיג צו מאכען א פארארדנונג, אז מען זאל תיכף צוריקגעבען די וואוינונג פון צ. ק. פון דער ר. ס. ד. א. פ.

דער אויפשטאנד אין האמעל.

וועגען די געשעהענישען אין האמעל דערצעהלט דער באברויסקער „קאמוניסט" פאלגענדעס:

דעם 23 מארס האבען טיילען פון צווייטען פאלקען פארכאפט א צוג און זענען אוועק פון מאזיר—קאלינקאוויטשער פראנט צוריק קיין האמעל. אויפ'ן וועג האבען זיי אנט־וואפענט קאמוניסטען, געמאכט אבשיסקעס אין די צוגען, געשריגען „אידען-קאמיסארען" [illegible]. דעם 24-טען האבען זיי פאר־כאפט דעם פאליעסער וואקזאל און נאמען פון קאמיטעט, וואס האבען אנגעפירט מיט'ן אויפשטאנד, [illegible] קען [illegible] פירען אונטערהאנדלונגען וועגען [illegible] [illegible]זירען די מאכט.

די לאזונגען פון די אויפגעשטאנענע זענען געווען: „נידער מיט לענין און טראצ־קי", „זאל לעבען די רוסישע פאלק-רע־פובליק", און „א שלום מיט די פעטליו־ראוועצעס".

פארנעמענדיג דעם וואקזאל זענען די אויפגעשטאנענע אריין אין שטאט צום האטעל „[illegible]", וואו עס האבען זיך געהאט צונויפגעקליבען די קאמוניסטען. מע האט אויפגעשטעלט הארמאטען און ארויסגעשאסען צוויי איבערשטע עטאזשען פונ'ם האטעל. עס זענען פאראן א סך גע־הרגע'טע און פארוואונדעטע. נאכדעם האט זיך אנגעהויבען א געיאג אויף די קאמו־ניסטען, [illegible] וואס מען האט געכאפט, האט מען [illegible] אין דער [illegible] אויפשטאנד איז געשטאנען א [illegible] דראקאנאוו, א שטאבס-קא־פיטאן פון דער אלטער ארמיי.

[illegible] האמעל צוריק פארנומען פון אונזערע מיליטער.

מינסקער לעבען

וועגען די דערשאסענע. דער גובוואיענרעווקאם האט באשלאסען צו פאר־עפענטליכען די נעמען פון די 27 דערשאס־סענע און די אורזאכען, פאר וואס מען האט זיי דערשאסען.

— **וועגען פאגראמען.** דער גובוואיענרעווקאם האט באשלאסען צו פובליקירען א באפעל, אז פאר אנטיסע־מיטישע אגיטאציע און פאגראם-העצעריי וועט מען באשטראפען ווערען אויפ'ן שטרענגסטען אופן, אפילו מיט דערשיסען.

— **ראטען-צוזאמענפאהר.** אין דער צייט פון 20-טען ביז 25 טען אפריל וועט אין מינסק צוזאמענגערופען ווערען א גובערניאלער ראטען צוזאמענפאהר.

— [illegible] קאמיסיע. די רעגירונג [illegible]

— [illegible] גובוואיענ[illegible] האט באשלאסען [illegible] שול אויף אייזענבאנען [illegible] אין מינסק. די מיליטעריש קורסען, וואס קומען איצט פאר אין [illegible], ווערען [illegible] אין ווילנע.

—**דאס מיטעלע פויערטום.** די רעגירונג וועט קירצליך ארויסגעבען אנ'ער־קלערונג וועגען איר שטאנדפונקט צום מי־טעלען פויערטום. די אגענטען, וואס ווערען געשיקט אין די דערפער, וועלען באקומען אינסטרוקציעס וועגען פראפאגאנדירען די אידעען פון דער ראטען-מאכט צווישען די מיטעלע פויערים.

— **באשטעטיגונג אדוואקאטען.** דער גובוואיענרעווקאם האט באשלאסען צייטווייליג צו באשטעטיגען די אדוואקא־טען: קריינעס, ב[illegible]לינסאן, וואסילעוויטש, יעלעץ און מאשא.

— **פאפיר.** די רעגירונג האט באשלא־סען איינצופירען א שטרענגע קאנטראליע איבער פאפיר. דער קאמיסאריאט איבער די דרוקערייען וועט באקומען א פארארדנונג ניט ארויסצוגעבען קיין פאפיר אויף גרויסע פלאקאטען און אפישען.

— **סאציאלע פארזארגונג.** אין דער קאלעגיע פאר סאציאלע פארזארגונג זענען [illegible] די חברים [illegible] עקערט, [illegible]ניצקי און [illegible].

— [illegible]. אנשטאט דער פריהעריגער [illegible] ח' [illegible] איז [illegible] ח' [illegible]סשיצקי.

— **ארגאניזאציאנס-אפטיי־לונג.** ביים גארקאמפאר איז ארגאניזירט געווארען א ארגאניזאציאנס-אינסטרוקטארסקי אפטיילונג אונטער'ן אנפירונג פון ח' העלפאנד. די, וואס האבען וועלכע ניט איז תביעות צו די אפטיילונגען פון גארקאמפאר, דאר־פען זיך ווענדען אין האטעל גארני, צי־מער 85.

— **אינטערנאציאנאלע צייט.** דער גובוואיענרעווקאם האט לויט א טע־לעגראם פון צענטער באשלאסען, אפצולייגען דאס איינפירען די אינטערנאציאנאלע צייט ביז'ן מאנאט מאי.

— **מאנופאקטור.** אין קאמפראד ווערט ערווארטעט א גרויסער טראנספארט מאנופאקטור. דאס וועט צעטיילט ווערען צווישען דער באפעלקערונג אויף די נייע ערנעהרונגס קארטען.

קעראסין. דינסטאג וועט מען אין די ארבייטער-קאאפעראטיוון פארקויפען קע־ראסין.

אין ראט פון די ארבייטער-קאאפערא־טיוון.

דער ראט פון די ארבייטער-קאאפערא־טיוון האט איבערגעגעבען די בירגערליכע קאאפעראטיוון 50 פאר קאלאשען אויף צו [illegible] צווישען די ארימערע [illegible] באשטימונג פונ'ם [illegible] ס'איז [illegible] פונ'ם ראט [illegible] קאאפעראטיוון [illegible] קאנטראל פון דעם ראט פון די אר־בייטער קאאפעראטיוון.

— מאנופאקטור און שיך האבען די אר־בייטער קאאפעראטיוון זעהר וועניג און די בירגערליכע קאאפעראטיוון וועלען עס ניט באקומען.

די מאנופאקטור ווערט איצט [illegible] אויף באשטימטע חלקים [illegible] די פראפעסיאנעלע פאראיינען. יעדער ארדער וועט האבען א באשטימטע מאס מאנופאק־טור, מען זאל קענען פון דעם עפעס אויס־נייהען.

ס'איז באשלאסען געווארען צו ווענדען זיך צום [illegible], אז ער זאל ארויס־געבען דעם ראט פון ארב.-קאאפ. גא־לאנטערעי-סחורות. דער ראט דארף עס באזונדערס נויטיג צוליב דעם, וואס א גע־וויסער טייל פון די מאנופאקטור איז אפגע־געבען געווארען אין ווערקשטאט פון נא־דעל-פאך אויף צו מאכען פארטיגע הויזען. די לעצטע וועלען אויך צעטיילט ווערען אויף די ארדערס דורך די פאראיינען.

— צוליב דער טיפוס-עפידעמיע איז נויטיג א גרויסע צאל זייף. דער ראט האט באשלאסען אנצווענדען אלע מיטלען צו קריגען זייף און אפגעבען דער מעד-צינ־סאניטארער אפטיילונג.

— די קארטאפעל, וואס דער ראט האט איינגעקויפט, קען ער נאך אלץ ניט באקו־מען צוליב דעם, ווייל ס'פעלט די נויטיגע ערלויבנים.

— קומענדיגע וואך הויבט זיך אן די צוזאמענגיסונג פון די ארבייטער-קאאפע־ראטיוון. דער „פאראייניגטער בויער" און דער „האמער" וועלען זיך אין די ערשטע [illegible] ארייניגיסען אינ'ם ארבייטער קאאפעראטיוו „אייניגקייט", וועלכער ווערט רעארגאניזירט אין א צענטראלען ארבייטער-קאאפעראטיוו.

— ס'זענען דא אנקלאגען אויף דעם, וואס דער גארקאמפראד גיט ארויס ברויט אויסער דער רייהע פאר באזונדערע אנ־שטאלטען, אין דער צייט, ווען די ארבייטער קענען ניט באקומען קיין ברויט אויף די באנעס. דער ראט האט באשלאסען צו בעטען דעם גארקאמפראד, אז דאס גאנצע ברויט זאל צעטיילט ווערען אויף די באנעס.

פון פראפעסיאנעלען לעבען.

די ארגאניזאציאנס-אינסטרוקטארישע אפטיילונג פון ראט פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען האט פונאנדערגעשיקט די פאר־וואלטונגען פון די פראפ. פאראיינען פאל־גענדע אינסטרוקציע:

לויט דער באשטימונג פון דער אלגע־מיין-שטאטישער קאנפערענץ פון די מינ־סקער פראפעסיאנעלע פאראיינען פון 24 מארס און פון דער פארזאמלונג פון די סעקרעטארען פון די פאראיינען פון 28 מארס דארפען אלע פאראיינען זיין געבויט לויט'ן פראדוקציאנס-פרינציפ אין גובערנ־סקען מאסשטאב און דארפען זיך צוזאמענ־גיסען מיט די באטרעפענדע אלרוסלענדע פאראייניגונגען.

די רעארגאניזאציע פון די פאראיינען דארף דורכגעפירט ווערען אויפ'ן פאלגענ־דען אופן:

1. די פארוואלטונגען פון די פאראיי־נען, וואס דארפען זיך פאראייניגען, דאר־פען אויף א געמיינזאמע פלענארע זיצונג אויסטיילען פון זיך א צייטווייליגע פאר־וואלטונג אויף צו פירען די ארבייט פון דער פאראייניגונג אין גובערנסקען מאס־שטאב.

וועגען דער פלענארער זיצונג דארף געפירט ווערען א אויספירליכער פרא־טאקאל.

2. די צייטווייליגע פארוואלטונג דארף זיך תיכף איינשרייבען מיט איהר אלרוס־לענדען צענטראל-קאמיטעט (דעם אדרעס קען מען געוואר ווערען אין דער ארגאני־זאציאנס-אינסטרוקטארישער אפטיילונג פון ראט), ארויסשאפען פון דארט מיטגלידס־ביכלאך, רעגיסטראציע-בלאנקען, אוסטאוו, אינסטרוקציעס א. א. וו.

3. די צייטווייליגע פארוואלטונג רע־גיסטרירט איבער די מיטגלידער, ארבייט אויס אינסטרוקציעס און פירט דורך די וואלען אין דעלעגאטען-ראט (אדער אויף דער קאנפערענץ, אויב דאס ווערט געמאכט פאר'ן גאנצען אויעזד). די פארוואלטונג קומט אויך אין באציהונג מיט די אויעזדען, העלפענדיג זיי צו פאראייניגען זיך, כדי דורכצופירען א צוזאמענפאר פון דער גאנ־צער גובערניע.

די פאראיינען, וואס נעמען ארום אזעלכע ארבייטער, וואס זענען צעזייעט איבער קליינע ווערקשטאטען, פירען דורך געמיינזאמע וואהלען פון דעלעגאטען לויט דער פארמע, וואס ווערט באשטימט פון דער צייטווייליגער פארוואלטונג.

4. נאכדעם, ווי עס ענדיגען זיך די וואהלען אין שטאטישען, אויעזדנעם און גובערנסקען מאסשטאב ווערען צונויפגערו־פען: אין ערשטען פאל—א דעלעגאטען פארזאמלונג, אין צווייטען פאל—א אויעזד־נע קאנפערענץ, אין דריטען—א גובערניא־לער צוזאמענפאר אויף אויסצוקלייבען א שטענדיגע פארוואלטונג (אויף א יאר) פון דער שטאטישער אדער אויעזדנער אפטיי־לונג און פון דער גובערניאלער אפטיי־לונג פון באטרעפענדען אלרוסלענדען פרא־דוקציאנס-פאראיין.

5. די פארוואלטונגען פון די פאראיי־נען, וועלכע זענען שוין פאראייניגט לויט'ן פראדוקציאנס-פרינציפ, דארפען זיך אויך פארבינדען מיט'ן אלרוסלענדען צענטראל־קאמיטעט פון דער באטרעפענדער אלרוס־לענדער פאראייניגונג. זיי דארפען זיך אויך פארבינדען מיט די אויעזדען אויף אויפצורופען גובערניאלע צוזאמענפארען און צו פירען גובערניאלע אפטיי־לונגען.

נאך אלע ערקלערונגען וועגען דער אינסטרוקציע דארף מען זיך ווענדען אין דער ארגאניזאציאנס-אינסטרוקטארישער אפטיילונג פון מינסקער ראט (צ. ב.) פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען.

די רעזולטאטען פון דער ערשטער סחורה-וואך.

לויט די ידיעות, וואס זענען פאראן אין דער מארשרוט-ביורא ביים פאלקס קא־מיסאריאט פון די אייזענבאנען, זענען די רעזולטאטען פון דער ערשטער סחורה-וואך אזעלכע:

אויפ'ן 1-טען מארס איז אויף די אייזענבאן-וועגען ניט געווען קיין איין מאר־שרוט-צוג.

דעם 14-טען מארס זענען געווען אין וועג 47 פארעגיסטרירטע מארשרוט-צוגען. דעם 28 מארס איז שוין אזעלכע צוגען געווען 68, ד. ה. מעהר ווי 2,0 וואגאנעס מיט ערנעהרונגס-פראדוקטען.

אויפ'ן מאסקווער אייזנבאן-קנויט זענען דורכשניטליך אנגעקומען פאר א מעת-לעת: אין פארלויף פון דער ערשטער מארס-וואך —26 וואגאנעס (פון זיי 17 ברויט-וואגא־נעס). דער צווייטער—690 (ברויט-וואגאנעס 155) און אין דער דריטער וואך—623 וואג. (ברויט—134).

אויף אזא אופן האט זיך די צאל ברויט־טראנספארטען אין פארגלייך מיט דער ערשטער וואך פון מארס פארגרעסערט כמעט אין צווייען.

אין סוף פון דער דריטער און אין אנ־הויב פון דער פערטער וואך האט זיך אויפ'ן גאנג פון די ערנעהרונגס-טראנספאר־טען אפגערופען די איבעררייסונג פון דער באוועגונג אויף דער באן-ליניע אין זאסימ־בירסק, וואס איז פארגעקומען צוליב די קולאקישע אויפשטאנדען.

די אלגעמיינע צאהל ניט-אויסגעגרוזע־וועטע און אויסגעגרוזעוועטע, נאר ניט ארויסגעפירטע, וואגאנעס אויפ'ן מאסקווער באן-קנויט האט זיך פארגרעסערט פון 4000 אין אנהויב מארס ביז 6442 וואג. דעם 18 מארס די צאהל ניט אויסגעגרו־זעוועטע און ניט ארויסגעפירטע וואגאנעס מיט ערנעהרונגס-פראדוקטען איז אויפ'ן מאסקווער באן-קנויט געווען אין פאלגענ־דער צאהל:

אויפ'ן 1-טען מארס 402 וואגאנעס, אין דעם 50 ברויט-וואגאנעס, 7 מארס—495 וואג. (מיט ברויט 50 וואג.), 14 מארס—850 וואג. (מיט ברויט 90 וואג), 18 מארס—1273 וואג. (מיט ברויט 227 וואג.).

נאכ'ן 18-טען מארס, צוליב די געשעהענישען אין ראיאן אינזא-סימבירסק, האבען זיך די צאהלען עטוואס פארקלע־נערט.

(עקאנ. זשיזן).

אין פאנד פון „וועקער"

פון דער אגאניזאציע אין קאידאנאוו מינסק. גוב. 100 רוב.

רעדאקטאר-ארויסגעבער

פרומקינא-ווייכמאן (אסתר)

באקאנטמאכונג.

דער רעצעפטורען-טיש ביים שטאטישען ערנעהרונגס-קאמיטעט מעלדעט אז ער קלייבט זיך איבער אויף גובערנאטארסקע גאס, הויז נומער 3 (געוועזענער שיך-מאגאזין בראכיס).

גלייכצייטיג ווערט באקאנט געמאכט, אז

1) אויף די רעצעפטען, וועלכע ווערען צוגעשטעלט אין רעצעפטורען-טיש, כדי צו באקומען פראדוקטען, דארף זיין דייטליך אנגעשריבען דער נאמען, פאטערס נאמען און פאמיליע פון דעם קראנקען, זיין אדרעס און דער כאראקטער פון דער קראנקהייט. דער רעצעפט דארף זיין מיט'ן שטעמפעל פונ'ם דאקטאר.

2) אזוי ווי דער רעצעפטורען-טיש גיט ארויס פראדוקטען בלויז קראנקע **ארבייטער** און **אנגעשטעלטע** און אויך קראנקע פון דער **ארימער באפעלקערונג**, דארף יעדער, וואס וויל באקומען פראדוקטען, צושטעלען א צייגניס, פון א פראפעסיאנעלען פאראיין, אז ער איז א מיטגליד פון דעם פאראיין אדער פון דעם בעטרעפענדען פאך, אדער א צייגניס פון א געוויסער איינריכטונג (א פאבריק, א זאוואד), אז ער ארבייט דארטען.

3) אויב דער קראנקער איז אליין ניט קיין ארבייטער אדער אנגעשטעלטער, נאר ער געהערט צו דער פאמיליע פון אנ'ארבייטער אדער אנגעשטעלטען, דארף ער צושטעלען א צייגניס פון פראפעסיאנעלען פאראיין אדער פון דער איינריכטונג, צו וועלכער דער ארבייטער אדער אנגעשטעלטער געהערט, אז ער ווערט ווירקליך פון איהם אויסגעהאלטען.

4) קראנקע פון דער ארימער ניט-ארבייטער באפעלקערונג דארפען צושטעלען א צייגניס פון דער אפטיילונג פאר סאציאלער הילף (האטעל „ארעס" זאכארעווער גאס, נום. 61) וועגען דעם, אז זיי זיינען ווירקליך ארימע און קענען ניט קויפען די נויטיגע פראדוקטען פאר טייערע פרייזען.

אהן די אנגעוויזענע צייגנישען וועלען קיין פראדוקטען פאר קיין פאל ניט ארויסגעגעבען.

פארוואלטער פונ'ם רעצעפטורען-טיש. (אונטערשריפט)

דער פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג רופט צוזאמען אין ווילנע פרייטאג, 25 אפריל

א צוזאמענפאר פון פאלקס-בילדונג-טוער

פון ליטע און ווייסרוסלאנד.

ס'איז אנגעמערקט פאלגענדע פראגראם פון צוזאמענפאר: 1) באריכט פון צענטער. 2) באריכטען פון די ערטער. 3) די אויפגאבען פון פאלקס-בילדונג אין ליטע און ווייסרוסלאנד. 4) די ארגאניזאציע פון פאלקס-בילדונג. 5) לויפענדע ענינים. א גענויע פראגראם מיט אלע אנווייזונגען, וואס זיינען שייך צום צוזאמענפאר, ווערט אויסגעארבייט און וועט פובליקירט ווערען די נעהענסטע צייט. די ביורא צום צונויפרופען דעם צוזאמענפאר לייגט פאר אלע ראיאנע, אויעזדנע און שטאטישע אפטיילונגען פאר פאלקס-בילדונג תיכף צוטרעטען אום צוזאמענשטעלען באריכטען וועגען פאלקס-בילדונג, צוגרייטען געהעריגע רעפעראטען, ארגאניזירען ראיאנע פארבעראטונגען, וועגען וועלכע מען דארף באצייטענס מעלדען אין ביורא לויט'ן אדרעס: ווילנע, פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג, ברייטע גאס 54. ביורא צום צונויפרופען דעם צוזאמענפאר.

מיטגלידער פון ביורא [illegible], [illegible].
סעקרעטאר שאפירא.

פראלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניגט זיך!

פרייז 60 קאפ.

דער וועקער

צענטראל-ארגאן פון „בונד" אין ראטען-רוסלאנד.

די רעדאקציע און קאנטאר געפינען זיך: זאכאריעווסקע נום. 54, זאקרזשעווסקי'ס הויז, אריינגאנג אין הויף. די קאנטאר איז אפען טעגליך חוץ שבת פון 10 ביז 4 א זייגער

אדרעס פאר קארעספאנדענצן: Минскъ, редакція (конторъ) „Деръ Векеръ"

— ערשיינט טעגליך. —

[illegible]

518 Минск, 3 апреля 1919 3 אפריל

נייס אין דער אידישער ליטעראטור

ס'איז ערשינען א נייע ווערק
וועגן קאאפעראציע און קאאפעראטיוועס

**וואס איז אזוינס
אקאנסום-געזעלשאפט?**

פון: איינזנשטאט (ווין)

ארויסגעגעבן פון מינסקער ארבייטער-קאאפ.
„איינִיקייט"

פרייז 50 קאפ.

דער פארקויף אין קאנטאר פון „אייניג-קייט" יוריעווער גאס נום. 6.

די פארוואלטונג פון ארב. קאאפעראטיוו

„אייניגקייט"

[illegible] ארבי[illegible] אין אנ אבמאך און האט איינגעשטעלט א ספעציעלן ביליגען

[illegible] צאן-דאקטאר

וואלקאמיטש

פראאבראזשענסקע 38

פאר די מיטגלידער פון קאא-פעראטיוו וואס קימען צו אידם היילען די ציינער פּאָמבירען, אר[illegible] מאכען נייע ציינער

מודעה.

עס ווערט אנגענומען דער אבאנעמענט אויף די פאלגענדע פעריאדישע אויסגאבען פונ'ם אידישען פארלאג ביים פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג אין ליטע און רייסען

1) חדש'דיקער זשורנאל—„די נייע וועלט"
פאר א יאר—48 רובל. 6 חדש—26 ר. 3 חדשים 12 ר.
אין איינצעל-פארקויף 5 ר. א נומער.

2) צווייוואכיגער זשורנאל „פאלקס-בילדונג"
פאר 3 חדשים—6 רוב. אין איינצעלפארקויף 1 ר. א נומער.

3) צווייוואכיגער קינדער-זשורנאל „גרינינקע ביימעלעך"
פאר 3 חדשים—3 רוב. אין איינצעלפארקויף 1 רובל 50 קאפ. א נומער.

אדרעס: ווילנע, ברייטע גאס 54 פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג, „אידישער פארלאג".

ארבייטער-קאאפעראטיוו „אייניגקייט"

אויף אויסצומיידען די שפארנעס אין די קראמען, וועט פארקויפט [illegible] פראדוקטען לויט דער פאלגענדער טאבעלע.

זונטאג	די בילעטען פון נום.	1	ביז נום.	800
מאנטאג	-	801	-	1600
דינסטאג	-	1601	-	2400
מיטוואך	-	2401	-	3200
דאנערשטאג	-	3201	-	4100

פרייטאג די וועלכע האבען צוליב וויכטיגע אורזאכען ניט געקענט קומען אין די אנגעצייכנטע טעג.

די קאנטאר פון „אייניגקייט"

האט זיך איבערגעקליבען אויף יוריעווסקע נומער 6 (אנטקעגען די באנק בירזא) אריינגאנג פון הויף אפען פון 10 פריה ביז 5 אווענד. מעלדונגען ווערען אנגענומען פון 10 ביז 8.

קאמפלעקטען „וועקער"

פאר [illegible] צייט פון דער קאנפערענץ, די דעבאטען, רעזאלוציעס א. א. ו. קען מען [illegible] אדער איבערשרייבען פון קאנטאר פון „וועקער", מינסק זאכאריעווסקע 54.

פרייז [illegible]

די קאנטאר.

דער פראפעסיאנעלער פאראיין פון די

האנדעלס-אנגעשטעלטע איבערגעפארען

אויף [illegible] פלאץ [illegible] דעם געוועזענעם גובערנאטאר הויז, 2 טער שטאק.

מודעה.

די [illegible] פון מינסקער גוברעווקאם האט זיך איבערגעצויגען [illegible] אויף פראאבראזשענסקע 16.

[illegible] אפטיילונגען: די בירגערליכע, די [illegible] די א. אפט. פאר אינפארמאציע און אינסטרוקצ.

[illegible] אין רעכענונגס-א. אפטיילונגען

דער פארוואלטער פון דער פארוואלטונגס אפטיילונג

פון מינסקער גוברעווק ם. [illegible]

שבת דעם [illegible] אפריל [illegible] א זייגער אין אווענט אין קלוב אויף [illegible] פרייהייטס פלאץ 4 פארקומען

א מיטינג

אויף דער טעמע: [illegible]

[illegible]

[illegible] אין ארויסגעגעבן דער 2-וואכיגער קינדער-זשורנאל

„גרינינקע ביימעלאך"

ארויסגעגעבן פון פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג אין ליטע און ווייסרוסל.

[illegible] וואס פארמאגען וועלכע ניט איז [illegible] שפילען אין כרומה [illegible] אין זיין [illegible] געשיכטען פון קינדער ציטשיק: דאס אין רע-דאקציע [illegible] אדרעס: ברייטע גאס.

[illegible] פאר בילדונג „גרינינקע ביימעלאך".

א באשטימונג פון קאמיסאריאט פון ארבייט

[illegible] פאראיין פון די [illegible] און אנגעקומען [illegible] אין היין קאמיטעטען צאהלען ניט אויס [illegible] דעם [illegible] פון פראפעס-אנגלען פאראיין. [illegible] ארבייטס קאמיסאריאט אלע [illegible] מין אפזאגען זיך פון באצאלען [illegible] ניט [illegible] ווערען אין די שולדיגע [illegible] געריכט ווערען דעם געריכט.

מינסקער קאמיסאר פון ארבייט חאדאש.
[illegible] סעקרעטאר פרידלאנד.

די צוועלפטע קאנפערענץ פון בונד.

[illegible]

[illegible] פאר [illegible] אפגעגעבער פון דער קאמ[illegible] די [illegible] די פאזיציע פון דער [illegible] באשטעהט נור פון [illegible] פון לינקען פלאק. [illegible] צענטער האט זיך אפגעזאגט צו שיקען פארשטעהער. דער לינקער צענטער איז [illegible] מיט דעם לינקען פליגעל [illegible]. [illegible] א טייל פון צענטער האט זיך געלאזען אויף רעכטס. פון אנהויב אן איז קלאר געווען, אז אונזער פאזיציע באפרידיגט ניט א טייל פון צענטער. זיי האבען געמאכט א באזונדערע קאנפערענץ, וועלכער האט אין [illegible] די גאנ[illegible] זיך געגען לינקס. די [illegible] האבען זיך אנגעקליבען [illegible] וואס ווייטער אלץ מעהר. די [illegible] איז א רעוואלוציע פון אפמאך [illegible] לינקען צענטער און די לינקע. [illegible] האבען געמאכט געוויסע [illegible] פאליטיק [illegible] וואס פאר [illegible] געווען מעגליך [illegible] האבען געפונען פאר [illegible] צו [illegible] צו פאזיטיווען [illegible] שפאלטונג, וועלכע איז געווען [illegible] פון לינקס. נאך דער [illegible] אין אוקראינע איז די [illegible] געווען א רעאלע, ניט [illegible] אויף [illegible] איינע די [illegible] דריקט די [illegible] רעוואלוציע אין [illegible] די שטימונג פון דער גרעסטער מערהייט פון בונד.

די רעכטע אין דער רעכטער צענטער [illegible], אז דער באריכט-אפגעבער האט [illegible] א פארטרעטער פון איין פראקציע, אין [illegible]. עס [illegible] באשטימט צו געבען ווערטער די פארטרעטער פון די איבעריגע פראקציעס.

א [illegible] רעכטס, דער אויס-[illegible] לינקען צענטער און דעם לינקען [illegible] אנ אפזאג [illegible] אנ איבערגאנג צום קאמוניזם [illegible] שטימענדיג פאר דער רעוואלוציע, האט איהר באגראבען דעם בונד, באגראבען די סאצ. דעמאקראטיע.

ליטוואק (רעכטער צענטער). ס'איז פאלש, אז מיר האבען זיך געניי[illegible]ט אויף רעכטס און געקעמפט נור געגען לינקס. אין אוקראינע גרעניצען מיר זיך אין גאנצען אפ פון די רעכטע. נאך דער רעוואלוציע אין דער בונד ניט קיין ס. ד. פארטיי. איהר האט זיך פון קאמוניזם ניט אפגעזאגט, איהר זענט אריינגעפאלען אין די נעצען פון קאמוניזם. אבער דער ח. אייזענשטאט איז אומגערעכט, ווען ער זאגט, אז איהר האט באגראבען די ס. ד. איהר האט נור באגראבען אייער רעוואלוציע. די סאציאל-דעמאקראטיע וועט לעבען.

אַלטער (לינקער) אין גאנצען באפרידיגט אונז די רעזאלוציע ניט. צווישען אונז זענען פאראן קאמוניסטען, אבער מיר אפזערן מיט איניגע פונקטען, כדי איינצוהאלטען די איינהייט פון דער פארטיי.

די אפשטימונג ווערט אפגעלעגט.

מארגענזיצונג דעם 22 מארט.

מ[illegible]רעט צו באטראכטען די פאליטישע רעזאלוציע פונקטען-ווייז. לויט דער פאדערונג פון רעכטען צענטער ווערט די גרעסטע מערהייט אויסבעסערונגען באשטימט דורך נאמענטליכער אפשטימונג.

פון רעכטס פיהרט זיך א קאמף געגען דעם פונקט פון דער רעזאלוציע, וועלכע פארמולירט די פרינציפיעלע אנערקענונג פון דער ראטען מאכט. די אויסבעסערונג פון דעם רעכטען צענטער וויל אריינטראגען די פרינציפיעלע אנערקענונג פון דער דעמאקראטיע און ארויסווארפען די פרינציפיעלע אנערקענונג פון דער ראטען-מאכט. די אויסבעסערונג באקומט 20 שטימען פאר, 27 געגען, 1 אפגעהאלטען.

אין פונקט ווערט אריינגעטראגען דורך נאמענטליכער אפשטימונג די אויסבעסערונג פון ח. ליטוואק „פלייבענדיג אויפ'ן באדען פון דער רעוואל. סאצ. דעמאקראטיע" מיט אנ אויסבעסערונג פון ח. אסתר „שטעהענדיג אויפ'ן באדען פון דער רעוו. סאצ. דעמאקראטיע. פאר ליטוואק'ס אויסבעסערונג שטימט א באדייטענדע טייל פון לינקען צענטער.

עס שטימען:

פאר—ארשאנסקי (האראדאק), קלייס, פופס (ווילנע), שערמאן (ריגע), קויפמער (קורעניץ), אשפיז, ליטוואק (יעקאטערינאסלאוו), באטשעוו (מאהליעוו), ווינשטיין, פרומקין (מינסק), נארעל (דווינסק), זלאטקין (באריסאוו), ליפקין (איהומען), ספעקטאר (קיעוו), גארעליק (מאזיר) גוזענציי, שקאלניקאוו, שפיצער, הענקין (האמעל), דראפקין (מאסקווע), ליפאווסקי, ביטענסקי, לעווינסאן (בארנאוויטש) פערסקי (בארקאוו), סערמאן (איוועניץ).

געגען—קראסינסקי (וויטעבסק), אייגינא (שקלאוו), גארבאצקי (קאנאטאפ), מינדעל, נאכימסאן (ווילנע) ראזענבלום [illegible] רומאנאוו, לעווין (מינסק), ליכטענשטיין (קלעצק), קאצענבאגען באברויסק) זילבערמאן (סאמארע, איטע, בעזאנסקי (סמאלענסק), [illegible] (פיכאוויטש), זאריצקי (האמעל), ראבינאוויטש (בארנאוויטש), קאמיאנסקי (יאראנעזש)

אפגעהאלטען אובעל, גערציג, [illegible]באטשניק גירוויטש ראזענטאל

סעמקאווסקי לעגט פאר ארויסצו[illegible] רפען דעם געזאנג, אז די [illegible] טארישע פארמען ווערען [illegible] א ווערקצייג פון דער בורזשואזיע וואס ווערט אפגעווארפען. דער גאנצער פונקט וועגען אנערקענען פרינציפיעל די ראטע מאכט ווערט אנגענומען מיט 26 שטימען געגען 4 ביי 2 אפגעהאלטענע.

אין דעם צעטעל פאדערונגען בנוגע צו דער ראטען-מאכט איז [illegible] געווען א פאדערונג אפצושאפען טערור, רעפרעסיעס און טויטשטראף. דער לינקער בלאק האט דאס ווארט רעפרעסיעס ארויסגעווארפען, דראפקין לעגט פאר ווייטער אריינשטעלען אז מיר פאדערן, עס זאלען אפגעשאפט ווערען רעפרעסיעס דאס ווערט אפגעווארפען מיט 16 שטימען געגען 13.

צום פונקט וועגען דער רויטער ארמיי ווערט אריינגעטראגען אנ אויסבעסערונג, זי זאל ניט אויסגענוצט ווערען אלס ווערקצייג פון בירגערקריג. דער פארשלאג איבערצוגעהן צום טאג-ארדנונג איבער דער אויסבעסערונג ווערט אנגענומען מיט 24 שטימען געגען 8.

די לעצטע שלאכט ווערט געגעבען ארום דעם לעצטען אפזאץ וועגען פאראנטווארטליכקייט. ח. טשוועטיצקי לעגט פאר די אַלטע רעדאקציע אז מיר קענען ניט נעמען אויף זיך די פאראנטווארטליכקייט פאר די אלגעמיינע פאליטיק פון דער מאכט. די אפשטימונג איז נאמענטליך:

פאר טשוועטיצקי'ס פארשלאג שטימען: ארשאנסקי, אייגינא, פופס, שערמאן אשפיז, באטשעוו, גערציג ליטוואק, ראזאנטאל, ז"א קין, ליפקין, ספעקטאר, זשעלעזניאק, גארעליק, געזענציי, שקאלניקאוו, שפ צ"ר, דראפקין, ליפאווסקי, ביטענסקי, לעווינסאן, פערסקי, סערמאן ס"ה 28

געגען שטימען:

קראסינסקי, גארבאצקי, מינדעל, נאכימסאן, קלייס נאוויקאוו, קרעמער, ראזענבלום, פרומקינא, רומאנאוו, ליכטענשטיין נארעל, קאצענבאגען, בעזאנסקי, באנוטין, קאמינסקי ס"ה 17.

אפגע אלטען:

אובעל, ווינשטיין, באבאטשניק, זילבערמאן, [illegible] געגען ראבינאוויטש, ס"ה 7.

[illegible]צקי'ס אויסבעסערונג ווערט אנגענומען דער לינקער פליגעל בעט א הפסקה.

נאך דער הפסקה בראנט דער לינקער בלאק [illegible] אויסבעסערונגען: אנשטאט [illegible] פון דער [illegible] צום פונקט וועגען [illegible] צוגעבען פאר דער פאליטיק אין גאנצען מיט 24 שטימען פאר [illegible] 2 אפגעהאלטענע ווערען די אויסבעסערונגען אנגענומען. ביי דער אפשטימונג פון גאנצע פונקט האלטען זיך 10 דבר'ים אפ.

די [illegible] אפגעשטימט די גאנצע רעזאלוציע

פאר שטימען [illegible]ראסינסקי (וויטעבסק), אייגינא (שקלאוו) גארבאצקי (קאנאטאפ), מינדעל, נאכימסאן, קלייס (ווילנע), [illegible] איבער ראזענבלום, [illegible] ווינשטיין פרומקין, רומאנאוו, לעווין (מינסק), ליכטענשטיין, [illegible] נארעל (דווינסק), קא[illegible] צענבאגען [illegible] זילבערמאן (סאמארע), איטע, בעזאנסקי (סמאלענסק), [illegible]קין (באריסאוו), גארעליק (מאזיר), כאנוטין (פיכאוויטש), געזענציי, שקאלניקאוו, זא[illegible] ליפסקי, שפ צ"ר. גענקין (האמעל), לעווינסאן, ראבינאוויטש (בארנאוויטש), קאמאנסקי (יאראנעזש) ס"ה 32 שטימען.

געגען ארשאנסקי (האראדאק), פופס (ווילנע), שערמאן (ריגע), אשפיז (יעקאטערינאסלאוו), גערציג (מינסק), ליטוואק (יעקאטערינאסלאוו), גירוויטש (פענזא) ראזענטאל, ספעקטאר, זשעלעזניאקאוו (קיעוו), דראפקין (מאסקווע), ליפאווסקי, ב[illegible] (בארנאוויטש), פערסקי (בארקאוו), סערמאן (איוועניץ), אייזעל (נעסוויזש), ס"ה 20 שטימען [illegible] ליפקין (איהומען).

אזוי ווערט די פאליטישע רעזאלוציע אנגענומען מיט צוויי דריטעל שטימען.

אין אויסלאנד

דייטשלאנד.

נויען, 28 מארט. די ידיעה פון דער פאריזער פרעסע, אז אין פאריז זענען שוין באשטימט געווארען די גרעניצען פון דייטשלאנד, האט ארויסגערופען אין דייטשלאנד א שטארקען פראטעסט.

(ראסטא)

די רעוואלוציע אין אונגארן.

בע"א קין צום בערלינער ראט.

בודאפעשט, 28 מארט. דער פאלקס-קאמיסאר פאר אויסערליכע ענינים האט געשיקט א ענטפער אויף דער באגריסונגס-טעלעגראמע פון בערלינער ראט. אין דער טעלעגראמע זאגט זיך: אייער ארבייט, אייער קאמף האט אונז שטענדיג צוגעגעבען מוט. מיר זענען שטאלץ אויף דעם, וואס איהר זענט אונזערע חברים. די דיקטאטור פון אונגארישען פראלעטאריאט דאס איז א צייטיגע פראצעס פון אונזער קאמף, פון אונזערע ליידען. איצט, ווען די מאכט איז איבערגעגאנגען צו אונז, ווען די קייטען פון שקלאפעריי זענען צוריסען געווארען אונטער די אייזערנע קלעפ פון פראלעטאריאט, שרעקט מיר צו בויען א נייעם אלוועלטליכען ווירטשאפטליכען לעבען. די פראלעטארישע מאסען איילען אונטער די רויטע פאנען און זענען גרייט מיט זייער בלוט צו באשיצען די פרייהייט פונ'ם קאפיטאליסטישען יאך.

(ראסטא)

בודאפעשט, 30 מארט. לויט דער באשטימונג פונ'ם רעגירונגס-ראט גיהען אלע שול אין ערציהונגס אנשטאלטען איבער צו דער מלוכה. דאס אייגענטום פון די אלע אנשטאלטען ווערט גערעכנט אלס מלוכה-אייגענטום. די רעפובליק נעמט צו אלע פערזאנען פון לעהרער פערסאנאל, וואס שטעהען אויף דער פלאטפארם פון דער ראטען-רעפובליק.

(ראסטא)

פראנקרייך.

דער קאנגרעס פון די פראנצויזישע פראפעסיאנעלע פאראיינען.

פאריז, 25 מארט. עס האט זיך געעפענט די אליעהרליכע סעסיע פון דער אלגעמיינער ארבייטס-קאנפעדעראציע (פראנצויזישע פראפעסיאנעלע פאראיינען). דער פארשטעהער פון עלזאס האט באגריסט דעם קאנגרעס אין נאמען פון עלזאס און לאטרינגען, וואס זענען צוריק פאראייניגט געווארען מיט פראנקרייך, און האט זיך ארויסגעזאגט געגען א פלעביסציט אין די פראווינצען. זשוא האט אין זיין רעדע געווארנט די ארבייטער פון איינפירען דורך איינמאכען מעלדען דעם א שעה'דיגען ארבייטס-טאג, וואס א סך ארבייטער-גרופען האבען באשלאסען צו פארווירקליכען פון 1-טען מארט. די רעפארמע דארף [illegible] זשואס מיינונג, אריינגען אין שלום אפמאך און ווערען א אליוועלטליכע. די פארשטעהער פון אלע גרויסע פאראיינען האבען אינטערעסירט [illegible] וואס ארגומענטאציע.

(ראסטא)

אמעריקע.

ווילסאנס מיינונג וועגען דער פעלקער-ליגע.

אויף א באנקעט אין וואשינגטאן האט מען געשטעלט ווילסאנען א פראגע, צי וועט די זעלבסטשטענדיקייט פון די פאראייניגטע שטאטען כילוויי ניט ליידען פון דעם, וואס אמעריקע וועט אריינטרעטען אין דער פעלקער-ליגע. ווילסאן האט געענטפערט, אז יעדע נאציע, וואס וועט אריינטרעטען אין דער פעלקער-ליגע, וועט מוזען ברענגען אזא מין קרבן, נאר דאס וועט געשעהן פאר'ן אלגעמיינעם גליק. ווייטער האט ווילסאן ערקלערט, אז דער פאראגראף וועגען אנטוואפענונג וועט ניט אנרירען די רעכט פון אמעריקאנישען סענאט צו באשליסען די פראגע וועגען דער באוואפנונג פון די פאראייניגטע שטאטען. ווייטער האט נאך דער פרעזידענט צוגעגעבען, אז אלע מלוכה-מענשען, וואס געפינען זיך אין פאריז, זענען איינשטימיג געקומען צום שלוס, אז ס'איז נויטיג צו בילדען א פעלקער ליגע, כדי אויסצומיידען אין דער צוקונפט אזא מלחמה, וואס די פעלקער פון אייראפע האבען נאר וואס דורכגעלעבט. ווילסאן האט אויך באהאנדעלט די פראגע וועגען דער פעלקער-ליגע מיט די מיטגלידער פון דער קאמיסיע פאר אויסערליכע ענינים און דאס זיי ערקלערט, אז אויב די פאראייניגטע שטאטען וועלען ניט אריינטרעטען אין דער פעלקער-ליגע און וועלען איהר ניט שטיצען, וועט אין אייראפע הערשען א אונבאדינגליכער כאאס.

אין פוילען.

א שפאלטונג אין פ. פ. ס.

ווארשע, 21 מארס. אין דער פוילישער סאציאליסטישער פארטיי, פ. פ. ס. איז פארגעקומען א שארפער אינערליכער קריזיס צוליב דער לינקער פאזיציע פון איינגע אנגעזעהענע [illegible] פון דער פארטיי און צוליב זייער אויסטרעטונגען אויף דער לעצטער זיצונג פון דער פראקציע. דער צענטראל-קאמיטעט פון דער פארטיי האט זיי באזייטיגט פון דער פארטיי-ארבייט. עס איז פארגעקומען אנ אויסערגעוויינליכע שטורמישע זיצונג פון דער שטאטישער קאנפערענץ. א העלפט פון די פארזאמעלטע האט פארלאזען דעם זאל אלס פראטעסט געגען אויסשליסען די לינקע מיטגלידער פון דער פארטיי. די לינקע ארגאניזירען א באזונדערע-גרופע „אומאפהענגיגע" פ. פ. ס. וועלכע וועט אין די נאהענטסטע טעג ארויסטרעטען זעלבסטשטענדיג.

(ראסטא)

א אידישער פאגראם אין קאליש.

קאליש, 21 מארט דא איז פארגעקומען א אידישער פאגראם אין וועלכען עס האט א [illegible] גענומען די ש[illegible]אט-מיליץ. די מאכט האט גארניט געטון [illegible] צו דערלאזען דעם פאגראם. א סך אידען האט מען געהרגע'ט און אריינגעווארפען אין טייך.

(ראסטא)

איבער'ן לאנד.

א נייער פארזיצער פון א. צ. א. ק.

מאסקווע 1 אפרעל. נאך דעם ווי עס זענען ארויסגעטראטען א גאנצע רייהע רעדנער, האט דער אלרוסלענדער צענטראלער אויספיר-קאמיטעט איינשטימיג באשלאסען צו באשטעטיגען מ. א. קאלינינען פאר א פארזיצער פון א. צ. א. ק.

(ראסטא)

קאמענייעוו אויפרוף צו די מאסקווער ארבייטער און רויטע ארמייצעס.

מאסקווע, 31 מארס. דער פארזיצער פון מאסקווער ראט קאמענעוו, וועלכען דער ראט פון דער רעפובליק האט קאמאנדירט אין דער שפיץ פון אן ארבייטער-קאמיסיע, וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון פארשטעהער פון די גרעסטע זאוואדען און פאבריקען, צו ארגאניזירען דאס צושטעלען ברויט קיין מאסקווע פון די ברויט-רייכע ערטער, האט זיך געווענדעט צו די ארבייטער און רויטע ארמייצעס פון מאסקווע מיט אנ'אויפרוף, אין וועלכען עס זאגט זיך: „דער הונגער מוטשעט אונז. אויפ'ן מזרח, אין וואלגער געגענד זענען צוגעגרייט מיליאנען פודען ברויט. קאלטשאק און דער שפיץ פון די ווייסע גווארדייצעס וויל עס ביי אונז אפנעמען און אויסמארען אונז מיט הונגער. מיר האבען באשלאסען דורכרייסען אלע שטערונגען און דערשלאגען זיך, אז די ברויט זאל תיכף צוגעפירט ווערען קיין מאסקווע. עס איז נויטיג איינצושטעלען, אז די אייזענבאנען זאלען ארבייטען אין פולען גאנג. יעדער אפהאלט אין דער ארבייט, דאס [illegible] ערפילען די פליכטען — באטייט אנ'[illegible]ריגע מוטשעניש פאר די הונגעריגע [illegible]טער פון מאסקווע און פעטראגראד. מיט אלע מיטלען וועלען מיר זעהען אריינשלאגען דעם באוואוסטזיין אין די [illegible] פון די, פון וועמען עס הענגט אפ דער צופיר פון ברויט קיין מאסקווע".

(ראסטא)

ניט באשטימט נאר אויסגעוועהלט.

פון דער פרעסע-ביורא ביים פאלקס-קאמיסאריאט פאר אינערליכע ענינים.

אין נומער 66 „איזוועסטיא" איז פאראן א ידיעה, אז רוזשישינסקי איז באשטימט געווארען פאר א פאלקס-קאמיסאר פאר אינערליכע ענינים אויפ'ן ארט פון פעטראווסקין, וועלכער איז באשטימט געווארען פאר א פארזיצער פון צ. א. ק פון די ראטען פון אוקראינע.

צו דער ידיעה דארף די פרעסע ביורא באמערקען, אז פעטראווסקי איז ניט באשטימט געווארען, ווייל דער פארזיצער פון אלאוקראינישען צ. א. ק. פונקט ווי דער פארזיצער פון אלרוסישען צ. א. ק. קען ניט באשטימט ווערען, ער ווערט אויסגעוועהלט און אין דער אמת'ן איז טאקע פעטראווסקי אויסגעוועהלט געווארען אויף דער זיצונג פון אלאוקראינישען צוזאמענפאר פון די ראטען אין כארקאוו דעם 14 מארט איינשטימיג פון אלע אנוועזענדע ביי 6 אפגעהאלטענע (לינקע ס. ר.'ען).

ראסטא

די [illegible]

וועגען די רעזולטאטען, וואס מען קען ערווארטען פון דעם, וואס עס איז אפגעשטעלט געווארען די פאסאזשיר-באוועגונג, האט דער [illegible] פאלקס-קאמיסאר פון די אייזענבאנען קאסין געמעלדעט פאלגענדעס:

עס ווערען אנגענומען אלע מיטלען אויסצונוצען די סחורות וואגאנען אויפ'ן פעסטען אופן, דאך דארף מען ניט לעגען אויף זיי קיין איבערטריבענע האפנונגען, ווייל די פרובען, וואס זענען שוין געמאכט געווארען פאר דער רעוואלוציע און ביי קערענסקי'ס רעגירונג, איז צו זעהען, אז אויך איצטיגס מאל איז ניטא וואס צו ווארטען אויף אויסערגעוועהנליכע רעזולטאטען. ביי אונזער ערנעהרונגס-לאגע וועט אפילו א גאנץ באשיידענע פ[illegible] גרעסערונג פון צופיר אויך האבען א גרויסע באדייטונג.

[illegible] ליקווידירטער אויפשטאנד.

פון קאזאן מעלדעט מען, אז דער אויפשטאנד פון די קיראקעס אין ראיאן שאלילאיעווסקער ארעזד, איז ליקווידירט. די אנפירער אין די אנטיל-גענומער פונ'ם אויפשטאנד, צוזאמען 200 מענשען זענען ארעסטירט.

(ראסטא)

מאסקווע, 31 מארט. אין פעטראגראד ווערט איצט איינגעארדנט א וואגא[illegible]

אויף יעצטיגען [illegible] אייגנפארטיגע ווע-רען [illegible]

[illegible] די פרידליכע [illegible] אלעק-[illegible] דער וואָלגע [illegible] אנגענומען [illegible] צום מיליטער-[illegible] 868 ביז 872 [illegible] 187 [illegible] (ראסטא)

[illegible]

[illegible] פארטרינקען [illegible] דער ארבי-[illegible] באשטימט, [illegible] פראנצויזישע [illegible] פון די וואָ-לגע, [illegible] און אָיספּאַל [illegible] די פליכט [illegible] צום קאמף מיט די [illegible] פארפלאָנצונגען. (ראסטא).

פון די פראָנטען.

פראַנט באַריכט פאַר [illegible] אפריל [illegible] ראַי-[illegible]

[illegible] ראַיאָן [illegible] ווייטער [illegible] אין א ווייטע [illegible] ארבעט [illegible] אונזערע טיילען [illegible] פון אוסא. אין ראַ-יאָן אוזאר לפקיל זענען אונזערע טיילען אריבערגעגאנגען צום א גריף.

פּאָלאָצקער ריכטונג: נאָך א האַר-טען קאַמף זענען אונזערע טיילען צוריק-געגאנגען צום [illegible] מענזעלינסקער ראַיאָן [illegible] אונזערע אפטיילונגען, [illegible] 20 ווערסט [illegible] פון מענזעלינסק, האָט זיך [illegible] מענזעלינסק סאראַ-פולער ראַיאָן, קראַסנאָאופימער ריכטונג: דער [illegible] פארנומען עטליכע ישיבים [illegible] ראַיאָן פון [illegible] אונזערע אפטיילונגען [illegible] ביקבארדינסקען זא-וואָד [illegible] צוזיצ-[illegible] ראַיאָן: אונזע-רע אפטיילונגען [illegible] פירענדיג ווייטער דעם אנגריף [illegible] פון [illegible] קאַמף [illegible] פארנומען עטליכע ישיבים, 25 [illegible] דרום-מזרח [illegible] פון אסע [illegible]

(ראסטא)

פון אוקראַיִנישען פראָנט.

אָפּעראַציאָנס בך הכל פון דער אוק-ראַינישער ראָטען ארמיי פון 30 מאַרס.

אין קאָראָסטענער ריכטונג האָט דער שונא אונטער'ן דרוק פון דער רויטער אר-מיי פארלאָזען די סט. גאשאַווקי און איז אפגעטראָטען צו טשענסק. אין זשיטאָמי-רער ריכטונג האָבען די רויטע אפטיילונגען פארנומען די סט. סטריזשאַווקא. אין ראַיוּ-נער ריכטונג האָבען מיר אפגעוואָרפען דעם שונא פון בערדיטשעוו צו דער סט. לעמעשען. אין וואָפּניארער ריכטונג האָבען מיר גענומען די סט. לאָריושענסקאַיאַ. מיר נאַר איגען דאָ דעם שונא. אין בירזיאַנ-סקער ריכטונג האָבען מיר גענומען די סט. ראַפּלאָוואָ. לויט שפּעטערדיגע ידיעות האָט די ראָטען ארמיי גענומען וואָפּניארקע צווישען וואָפּניארקע און זשמערינקע איז איינגעשטעלט א טעלעפאָנישע פארבינ-דונג.

(ראסטא)

טראַצקי וועגען דער לאַגע אויף די פראָנטען.

מאָסקווע, 1 אפריל. אויף דער זיצונג פון מאָסקווער ראַט האָט טראָצקי אין א נאַרמאַציאָנס-פארטראַג וועגען דער לאַגע אויפ'ן פראַנט געזאָגט:

אויפ'ן מזרח-פראַנט איז, ניט קוקענ-דיג אויף דעם, וואס מיר האָבען פארלאָ-רען אופע, די לאַגע א גוטע. אויפ'ן דרום-פראַנט איז די לאַגע א גלענצענדע. אויפ'ן אוקראַ-אינישען פראַנט האָבען מיר פארנומען אטשאַקאָוו און מאַריופאָל, און אין דער נאָהענטסטער צוקונפט וועט פאלען אדעס.

אויפ'ן מערב-פראַנט געפינט זיך די רויטע ארמיי אין פארטיידיגונגס-צושטאַנד, פון דער זייט דראָהט אויך ניט קיין גרוי-סע אומאנגענעמליכקייטען.

אויפ'ן צפון-פראַנט גרייפען מיר אַן, מיר האָבען רעזערווען, אויף אוּנז און אונ-זער [illegible] אין דער פארטיידיגונג פון אינערליכען [illegible] שונא פארענדיגען א נוצער זאַך מיט א זיג, אויב דער [illegible] וועט זיך האַלטען ווי דער פראַנט. מיר דאַרפען דורכהאַלטען און מיר וועלען דורכהאַלטען. שוין ניט ווייט די צייט, ווען עס וועט אויפגעהן די זון פון דער אייראָפּעאישער רעוואָלוציע. אויב אין צענטער און אין [illegible] וועלען די [illegible] עלעמענטען פון ארבייטער-קלאַס שטעהן פעסט אויף זייער פּאָסטען, וועט דער פראָלעטאַריאַט זי-גען.

נאָך טראַצקיס פארטראַג האָט דער פּלענום פון ראַט אנגענומען פאָלגענדע רע-זאָלוציע:

„דער אנגריף פון די אויסערליכע שונאים פון דער ארבייטער און פויערים-רוסלאַנד, וועלכע איז צוגעגרייט געוואָרען אין פארלויף פון גאַנצען ווינטער, האָט זיך אנגעהויבען כמעט אויף אַלע פראַנטען גלייכצייטיג מיט די פּרובען פון אויפשטאַנדען אין פארשיידענע טיילען פון די אינערליכע פיינד פון פראָלעטאַריאַט. די קאָנטר-רעוואָ-ליוציאָנערען הויבען ווידער אָן צו פירען א פּראָוואָקאַטאָרישע ארבייט שפּילענדיג אויפ'ן פאָלקס הונגער, וואס איז ארויסגע-רופען געוואָרען דורך דער בלאָקאַדע פון די אויסערליכע אימפּעריאַליסטען און דורך די רויבער-מעשים פון די קאָלטשאַקעס און דעניקינס. ניט באַנוגענדיג זיך מיט'ן פאַר-שפּרייטען פאַלשקייטען און ליגען, רופען זיי די ארויסגעמוטשעטע ארבייטער צו שטרייקען. וואַרפען באָמבעס אין רויטע ארמייצעס. צעשטערען די וועגען. רייסען אויף די בריקען. [illegible] די מאָנאַרכיסטען [illegible] ארויס אונטער [illegible] דער מאַסקע פון די ס. ר. עס. זייער ציל איז אויפרייסען די ארבייטער-מאַכט אויף דער שוועל פון נאָהענטען זיג פון דער אַלוועלטליכער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע".

דער מאָסקווער ראַט באַגריסט די העל-דישע רויטע ארמיי, וועלכע האָט ארויסגע-וויזען א מוטיגען ווידערשטאַנד דעם פאַר-אייניגטען דרוק פון די שונאים. דער ראַט ערקלערט א שאַרפען קאַמף אַלע פאַרברע-כער, וועלכע האָבען זיך געפּרובט אויס-העצען איינעם קעגען אַנדערען די ארבי-טער סאָלדאַטען און פויערים. דער רויטער ארמייעץ איז אונז א ברודער, דער ארבי-טענדיגער פויער איז אונז א זיכערער ראַט-געבער. ביי אונז איז א געמיינזאַמער קאַמף. דער מאָסקווער ראַט איז מסכים מיט די שאַרפע מיטלען פון דער צענטראַ-לער ראַטען-מאַכט, וואָס זענען איינגענומען געוואָרען מיט'ן צוועק ניט צו דערלאָזען די מענשעוויקעס און ס"ר'ען צו פירען ווייטער זייער שעדליכע ארבייט, פון וועל-כער עס קענען נאָר אויסשפּילען די רוסי-שע בורזשואַזיע און די אויסלענדישע אימ-פּעריאַליסטען. דער ראַט פאָדערט פון אַלע ארבייטער, סאָלדאַטען און פויערים אנצו-שטרענגען אַלע קרעפטען ביז דער נאָהענ-טער שעה פון זיג.

(ראסטא)

א נאָטע צו דער אַנטאַנטע און צו דער דייטשער רעגירונג.

צו די רעגירונגען פון דער אַנטאַנטע, אַלס אפּ[illegible]רופּסים פון פוילען, דער רעגי-רונג פון דייטשלאַנד אַלס אנטיילנעמערין

אין די פאַרברעכענס פון דער ליטווישער טאַריבע.

אַלעמען, אַלעמען, אַלעמען.

די פּוילישע לעגיאָנערען און די ליט-ווישע טאַריביסטען הערען ניט אויף זייערע ווילדע נגישות געגען די אנהענגער פון דער ארבייטער-און פויערים-מאַכט, וואָס פאַלען אריין אין זייערע הענט און איבער די, וואָס זיי רעכענען פאַר אנהענגער. אומע-זום, וואו זיי זענען ביי דער מאַכט איז שיסען, הענגען, פאַרמאַטערן צום טויט א געוויינליכע ערשיינונג. די אידישע באַפעל-קערונג ווערט כמעט איינגאַנצען אויסגע-הרג'עט: די, וואָס מ'איז חושד אין סימ-פּאַטיעס צו דער ראַטען-מאַכט, שיסט מען, אָדער מ'הענגט אויס'ן אָרט; די טורמעס זענען אָנגעפילט, די אַרעסטירטע ווערען געהאַלטען אין אַזעלכע באַדינגונגען, אַז זיי שטאַרבען ביסלעכווייז אויס.

נעכטען איז ערהאַלטען געוואָרען א ידיעה, אַז די פּאָליטישע אַרעסטירטע פון דער קאָוונער טורמע, ניט האָבענדיג קיין אַנדערע מיטלען געגען זייער פאַרצווייפעל-טער לאַגע, האָבען זיי ערקלערט א הונגער-שטרייק. די ארבייטער-און פויערים-מאַכט פון דער סאָצ. ראַטען-רעפּובליק פון ל. און וו. פּראָטעסטירט פאַר דער גאַנצער ציווי-ליזירטער וועלט געגען דעם דאָזיגען אומ-קערען זיך צו די סאַמע פינסטערע באַרבאַ-רישע צייטען. ניט האָבענדיג קיין אַנדערע מיטלען פון קאַמף צו ראַטעווען דעם לעבען און די עהרע פון אומשולדיגע מענשען, וועמ[illegible] איינציגער „פאַרברעכען" עס איז וואָס, וואָס זיי זיינען בירגער, אָדער [illegible] פון דער ראַטען-מאַכט, זיינען מיר געצוואונגען מיט אנ'אינערליכען עקעל און ווייטאָג נע-מען זיך פאַר'ן דאָזיגען מיטעל: צו פאַרנע-מען משכנות. די ראַטען-רעגירונג באַשטימט צו אַרעסטירען אַלס משכנות אַלע פאַר-שטייער פון דער פּוילישער און ליטווישער בורזשואַזיע, אָדער אַריסטאָקראַטיע, וואָס געפינען זיך אויף איר טעריטאָריע, וועלכע האָבען א פאַרבינדונג מיט פּוילישע לעגיאָ-נערען און מיט ליטווישע טאַריביסטען; און נאָך יעדען פאַל פון טויט שטראָף, אָדער גוואַלט איבער די פאַרשטעהער פון די אַר-בייטער און פויערים, וואָס געפינען זיך אונטער דער מאַכט פון די ווייס-גוואַרדי-סטען, און וועלכע האָבען ניט באַגאַנגען קיין שום קרימינעלען פאַרברעכען, וועט עמיצער פון די משכנות דערשאָסען ווע-רען. אַלע מיליטער טיילען, וואָס וועלען שולדיג זיין אין פּאָגראָמען, אין שיסען אומבאַוואָפענטע פרידליכע איינוואוינער, אָדער אין אַנדערע ענליכע פאַרברעכענס, וועלען באַטראַכט ווערען ווי געוויינליכע מערדער. און, ווען מ'וועט זיי כאַפּען וועלען זיי איבערגעגעבען ווערען צום משפּט, לויט די געזעצען פון מלחמה-צייט.

די פאַראַנטוואָרטליכקייט פון'ם פאַר-גאָסענעם בלוט וואַרפט אַרויף די ראַטען מאַכט איינגאַנצען אויף די ווייס-גוואַרדי-סטען און אויף די רעגירונגען, וואָס שטי-צען זיי.

פאָרזיצער פונ'ם ראַט פון פאָלקס קאָמיסאַרען פון ל. און וו. און אוי-בער'ן קאָמיסאַר

מיצקעוויטש-קאַפּסוקאַס.

מינסקער לעבען

— די דערשאָסענע. פאָלגענדע פּערזאָנען זענען דערשאָסען געוואָרען דעם 8-טען מאַרס:

1) פרוץ בינקא, א געוועזענער קאַ-מאַראָשניק פאַר א רויבערישען אָנפאַל.

2) פּנחס גידויטש, רעצידיוויסט און שאַנטאַזשיסט.

3) וולאַדיסלאַוו נעטשעיעווסקי, אַרויבער.

4) איוואַן וואַנטשאַרענקאָ, פאַר א באַ-וואָפענטען אָנפאַל, א רעצידיוויסט.

5) וולאַדימיר דזערוזיאַ גופּיצקי, א קאַמאַראָשניק, א רויבער.

6) אַנדריי דראַכין, פאַר אַבאַוואָפענטע רויבעריי און גניבה.

7) קאַזימיר זעליק, פאַר גזילה און באַ-וואָפענטען ווידערשטאַנד.

8) סטאַניסלאַוו קאָזעצקי, רעצידיוויסט, פאַר א באַוואָפענטע גניבה, האָט געוואוינט אונטער פאַרשידענע פאַמיליעס.

9) וואַסילי קונאַשקעוויטש, רעצידיוויסט, פערד-גנב.

10) וולאַדיסלאַוו קאַוואַלסקי, פאַר גניבה, א פּראָפעסיאָנעלער גנב.

11) איוואַן קאַליק, רעצידיוויסט פערד-גנב.

12) מיכאַיל ליסאָווסקי, פאַר גזילה.

13) אַנטאָן מאַליאַרסקי, פאַר א באַוואָ-פענטע גזילה.

14) איוואַן מאַיאַריק, פאַר גזילה.

15) איגנאַטי פּיסנעווסקי, רעצידיוויסט, גזלן.

16) סטעפּאַן פּאַוולאָווסקי-וויטקאָווסקי, פאַר גזילה.

17) אַלעקסאַנדער טאַיאַנאָווסקי, פאַר א הריגה פון 5 מענשען און רויבעריי.

18) אַלעקסאַנדער סערגעיעוויטש דאָס זעלבע.

19) ניקאָלאַי כימטשענקאָ, רעצידיוויסט, א פּראָפעסיאָנעלער גנב.

20) יאַקאָוו איוואַנאָוו פּאַדאַרענקאָ, א רויבער אַרמייעץ [illegible] באַשול-דיגט אין רויבעריי, געכאַפּט אויפ'ן אָרט.

21) יאַן כמעלעווסקי, פאַר רויבעריי און הריגה.

22) איוואַן כמעלעווסקי, דאָס זעלבע.

— ניכע חילף. די מעדיצין-סאַני-טאַרע סוב-אָפּטיילונג פון סאָציאַלע פאַר-זאָרגונג אַרבייט איצט אויס א פּלאַן וועגען אָרגאַניזירען א ניכע הילף. די סוב-אָפּטיילונג האָט באַשטימט איינצושטעלען שטענדיגע דעזשורסטוועס.

— עצות פאַר מוטערס. די אָפּ-טיילונג פון מוטער און זויג-קינדער-שוץ איז צוגעטראָטען אַרויסצוגעבען א בוך אין אידיש מיט אָנווייזונגען, ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַגעהן מיט א ניי-געבוירענע קינד, ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַגעהן מיט א זויג-קינד; ווי צו האָדעווען א קינד אויף קינסטליכע קעסט און ווי צו אַנטוועהנען א קינד.

— סאָציאַלע פאַרזאָרגונג. די אָפּטיילונג פון סאָציאַלע פאַרזאָרגונג און אַרבייטס-שוץ האָט אויסגעאַרבייט א פּלאַן פון אָרגאַניזירען פּונקטען פון דער אָפּטיי-לונג אין אַלע קליינע שטעטלאַך, וואו ס'איז נור דאָ א פּראָפעסיאָנעלע פאַראייני-גונג. אין די גרעסערע שטעט ווערען פאַ-נאַנדערגעשיקט אינסטרוקטאָרען צו אָרגאַ-ניזירען אָפּטיילונגען פון סאָציאַלע פאַרזאָר-גונג. אַזעלכע אָפּטיילונגען ווערען איצט אָרגאַניזירט אין איחומען, נעסוויזש און סלוצק.

— אַרבייטס-קאָדעקס. דער אַרבייטס-קאָמיסאַריאַט צעטיילט איצט צווי-שען די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען דעם קאָדעקס פון די געזעצען וועגען אַרבייט, וועלכע זענען א חוב פאַר יעדער אונטער-נעמונג, וואָס באַנוצט זיך מיט געדונגענע אַרבייט.

דער קאָדעקס איז צעטיילט אויף פאָל-גענדע אָפּטיילונגען: 1) וועגען אַרבייטס-פליכט; 2) וועגען רעכט אויף אַרבייט; 3) וועגען די אַרבייטס-צעטיילונג. 4) וועגען פּראָבע צייט; 5) וועגען אַריבערפירען און אָפּזאָגען אַרבייטער; 6) אַרבייטס-לוין; 7) אַרבייטס-טאָג; 8) וועגען פאַרזיכערען די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט און 9) אַרבייטס-שוץ.

אין קאָדעקס געפינען זיך אויך די גע-זעצען וועגען פעסטשטעלען די אַרבייטס-אונפעהיגקייט: וועגען שטיצע פאַר קראַנקע אַרבייטער און פאַר אַרבייטסלאָזע די גע-זעצען וועגען די אַרבייטס-ביכלאַך; וועגען שבת און זונטאָג רוה און יום-טובים.

יום-טובים אין וועלכע מען טאָר ניט אַרבייטען ווערען איינגעשטעלט נור 6: ערשטער יאַנואַר—ניי-יאָר; 22 יאַנואַר—אַלס אָנדענקונג פון טאָג פון 9-טען יאַנואַר 1905 יאָר; 12 מאַרס—ווען מען האָט אַראָפּ-געוואָרפען די זעלבסטהערשונג; 18 מאַרס—דער טאָג פון דער פּאַריזער קאָמונע; ערשטער מאַי—דער טאָג פון אינטערנאַצי-אָנאַל און 7 נאָיאַבר—דער טאָג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

די אָרטיגע ראַטען פון די פּראָפעסיאָ-נעלע פאַראיינען, מיט'ן הסכם פונ'ם אַר-בייטס-קאָמיסאַריאַט קענען איינשטעלען נאָך 10 טעג אין יאָר אַלס יום-טובים, רע-כענענדיג זיך מיט די געוועהנליכע פאָלקס-יום-טובים, לויט די אָרטיגע באַדינגונגען. פאַר אַזעלכע יום טובים אָבער קריגט מען ניט קיין באַצאָלט.

מצה. דער ראַט פון די אַרבייטער קאָאָפּעראַטיוען האָט באַקומען א טעלעג-ראַם, אַז פרייטאָג וועט מען פאַר אים אַרויסשיקען פון סלוצק 500 פּוד מצה. פאַר'ן ראַט שטעהט איצט די פראַגע ווי אַזוי עס צו צוטיילען אַזוי, אַז דאָס זאָל ווירקליך אָנקומען צו די אַרבייטער קאָאָפּעראַ-טיוו-מיטגלידער, וועלכע נויטיגען זיך אין דעם אַממערסטען.

ערנעהרונגס-קאַרטען. פון היינט אָן הייבט מען אָן אין די קאַרטען-ביוראָען אַרויסצוגעבען די קאַרטען פון קלאַ-סען-פּאַיאָק.

פאַר די איינוואוינער פון ערשטען שטאָט-טייל אויף יוריעווער נומער 4 (גע-וועזענע גרונעס קריגס); פאַר'ן 2-טען און [illegible]-טען שטאָט-טיילען—אויף יוריעווער נומ. 3 (געוועזענע באַנק ביז א); פאַר'ן 3-טען שטאָט-טייל אויף סטאַראָזשעווסקע (אַנטקע-גען „בעלאָרוסקאַיאַ כאַטאַ"); פאַר'ן 4 טען שטאָט-טייל—אויף סערפּוכאָווסקע נומער 5.

דאָס אַרויסגעבען די קאַרטען קומט פאָר דורך די הויז-קאָמיטעטען. צוליב דעם דאַרף קומען א פאַרשטעהער פון הויז-קאָ-מיטעט אין דער קאַרטען-ביוראָ און מיט-ברענגען אַלע דאָקומענטען וואָס זיינען אָנגעוויזען געוואָרען אין די פאָריגע אינ-סטרוקציעס.

ביז'ן 7-טען אַפּריל וועט מען אַרויס-געבען די קאַרטען אָהן א באַזונדערע ריי'הע. פון 7-טען אָן וועט איינגעשטעלט ווערען א באַשטימטער אָרדנונג, אין וועלכען טאָג עס דאַרף קומען דער פאַרשטעהער פון דעם אָדער יענעם הויז-קאָמיטעט.

— גראָסער-קלוב, היינט 9 אָוונט וועט זיין די זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג פון גראָסער-קלוב.

— די אידען-פראַגע. מאָרגען אָוונט וועט אין ווייחען-זאַל פאָרקומען א לעקציע פון חבר מינאַיעוו וועגען די אידען-פראַגע. א בילעט קאָסט 2 רובל. פאַר רויטע אַרמייצעס און אַרבייטער (דורך די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען)—אומזיסט.

א בריף אין רעדאַקציע.

מיט א קורצער צייט צוריק האָב איך געלייענט אין „וועקער", אַז ביים אידישען שפּיטאָל האָט זיך געעפענט א אומזיסטע צאָהן-היילאַנשטאַלט. א צייט האָב איך דאָרט אַרומגעלאָפען דעם אַנשטאַלט, ביז וואָגען איך פון געוואָר געוואָרען, אַז זי געפינט זיך גאָר אינ'ם זעלבען צימער, וואו ס'קומען אַלע אַנדערע חולאים, צווי-שען זיי אויך די טיפוס-קראַנקע און פּאָ-קען-קראַנקע, וואָס קומען אַהין מען זאָל זיי אויסהערען און אַריינעמען אין שפּי-טאָל.

אָט אין דער פאַרפּעסטעטער לופט פון אָנשטעקענדע קראַנקהייטען לאָזט מען עס אַריין געזונטע מענשען און קליינע קינדער דאָס הייסט פּשוט, ווי מען זאָגט, מיט א געזונטער קאָפּ אין קראַנקען בעט.

א פּאַציענט.

קאָרעספּאָנדענצען.

שקלאָווער יאַרן.

ס'איז כדי צו זאָגען עטליכע ווערטער וועגען שקלאָווער וואַלען אין ראַט פון אַר-בייטער, פויערים און רויטע אַרמייאישע דעפּוטאַטען. באַלד נאָך דער דייטשער אָקו-פּאַציע איז „אָנגעיאַרען" אין שקלאָוו א רעוואָקאָם, וועלכער איז אין א פּאָר וואָכען אַרום פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין א איס-פּאָלקאָם, דער צוזאַמענפאָר פון די פויערים פון „וואָלאָסט" מיט איינציגע פאַרשטעהער פון שטאָט האָבען אים ניט געוואָלט באַ-שטעטיגען, נאָר מ'האָט זיי ניט געפאָלגט. קיין ראַט האָט ניט עקזיסטירט, און דאָך האָט מען אין זיין נאָמען אַרויסגעהאָנגען גרויסע שילדען, און מ'האָט אַרויסגעלאָזען א צייטונג צוויי מאָל אין וואָך. אַזוי איז דורך עטליכע חדשים. דער ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָט אָנגעהוי-בען פאָדערען, ס'זאָל געשאַפען ווערען א ראַט, די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָט די פאָדע-רונג אונטערגעהאַלטען. כדי דורכצופירען ראַט אין לעבען, איז אויסגעקליבען גע-וואָרען א קאָמיסיע און וועלכער עס זיי-נען אויך אַריין פאַרשטעהער פון דער קאָ-מוניסטישער „יאַטשייקע". די קאָמיסיע האָט אויסגעאַרבייט א אינסטרוקציע פאַר די וואַלען. לויט דער אינסטרוקציע זיינען די וואַלען געהיימע, שטים רעכט האָבען אַלע וואָס עקספּלואַטירען קיינעם ניט איי-דער מען געהט שטימען, מוז מען אויס-נעמען א צייגניש אין ראַט פון די פּראָ-פעסיאָנעלע פאַראיינען, צעטלען זיינען גע-ווען צוויי: דער בונדישער און דער קאָ-מוניסטישער. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבען א ויצעקי, די מאַכטהאָבער האָבען זיך דער-שראָקען, אַז ביי געהיימע וואַלען זאָלען זיי ניט דורכפאַלען, זיי האָבען איבערגע-געבען אין מאָגילאָוו, אַז אין שקלאָוו איז א אוטשרעדילקע. געהיימע וואַלען מיט צעטלען. ס'איז אָנגעקומען א אינסטרוק-טאָר מיט ברייטע פּאָלמאַכטען צו מאַכען א סוף מיט שקלאָווער אוטשרעדילקע. די קאָמיסיע איז דורכפירען די וואַלען האָט ער צוטריבען און אָפּגעלייגט די וואַלען. אין א וואָך אַרום זיינען די וואַלען דאָך פאָרגעקומען, נאָר אָפענע אָהן „צעטעלאַ-[illegible] עס". צווישען א היימישען עולם און מ'האָט דורכגעפירט וועמען מ'האָט גע-דאַרפט. אַזוי איז שקלאָוו געראַטעוועט גע-וואָרען פון די „אוטשרעדילאָווצעס".

פליער.

ליטעראַרישע כראָניק.

עס איז ערשיינען דער נומ. 1—2 פונ'ם נייעם חודש-זשורנאַל „די נייע וועלט". אַרויסגעגעבען פון דער פאָלקס-קאָמיסאַרי-אַט פאַר בילדונג אין ליטע, מיט'ן פאָל-גענדען אינהאַלט:

1) מ. בראָדערזאָן: פרילינגזווינסען (ליד); 2) מ. גאָרקי: „א שענע זאַך" (א קאַפּיטעל פון בוך „קינדהייט") איבערגעזעצט א. ווייטער; 3) אלישע ראָדין: אַרבייטסלידער; 4) ש. ניגער: די רעוואָלוציע—און דער פּאָעט; 5) משה קולבאַק: דאָס הויז (ליד); 6) ס. סייטעלבוים: דער מצב פון אידישען טעאַטער נאָך דער רעוואָלוציע; 7) ז. רייזען: אונזער לשון; 8) א. מרידקין: דאָס ליד פון די לעצטע; 9) ב. רובשטיין: דער וועג צו ערד-אַרבייט; 10) מ. מיקאַבסאָן: העסי העלסמאַן (מיט א פּאָרטרעט); 12) ש. געני-ריך: די קילטור אייסטען פון דער רוס-לענדער ראַטען-רעפּובליק; 13) פּ. ליבערטע: די פיר פירער פון קאָמוניזם (לוקסעמבורג, ליבקנעכט, מערינג, אייסנער); 14) נייע ביכער; 15) א ווייטער: ווילנער [illegible]; 16) פאַר'ן הויש; 17) [illegible].

אינ'ם זעלבען פאַרלאַג איז ערשיינען דער ערשטער נומער פון צווייוועכענטלי-כען זשורנאַל פאַר פראַגען פון בילדונג און קולטור—„פאָלקס בילדונג".

[illegible]

פריסק נא-ווייכמאַן (אשר)

איך בעט רעכענען פאַר ניט גילטיג דעם דאָקומענט וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען 15|3 19

Отд. Государственный Сооружений

פון [illegible]עבסקער סאָוונאַרכאָז אויף דעם נאָמען פון

ב. ר. קראַבינסקי

די פאַרוואַלטונג פון קאָאָפּעראַטיוו „פאַראייניגטער בויע"

איז מודיע די מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו, אַז עס איז איינגעשטעלט געוואָרען דער פאָלגענדער אָרדנונג ביים אַרויסגעבען פּראָדוקטען:

זונטאָג	די, וואָס האָבען מיטגלידס-ביכלאַך פון	300—1
מאָנטאָג	„ „	600—300
דינסטאָג	„ „	900—600
מיטוואָך	„ „	1200—900
דאָנערשטאָג	„ „	1500—1200
פרייטאָג	„ „	1500 און ווייטער.

די פאַרוואַלטונג.

דער פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג רופט צוזאַמען אין ווילנע פרייטאָג, 25 אַפּריל

א צוזאַמענפאָר פון פאָלקס-בילדונג-טוער

פון ליטע און ווייסרוסלאַנד.

ס'איז אָנגעמערקט פאָלגענדע פּראָגראַם פון צוזאַמענפאָר: 1) באַריכט פון צענטער. 2) באַריכטען פון די ערטער. 3) די איינגאַבען פון פאָלקס-בילדונג אין ליטע און ווייסרוסלאַנד. 4) די אָרגאַניזאַציע פון פאָלקס-בילדונג. 5) לויפענדע ענינים.

א גענויע פּראָגראַם מיט אַלע אָנווייזונגען, וואָס זיינען שייך צום צוזאַמענפאָר, ווערט אויסגעאַרבייט און וועט פּובליקירט ווערען די נאָהענטסטע צייט. די ביוראָ צום צוגרייטען דעם צוזאַמענפאָר לייגט פאָר אַלע ראַיאָנע אייעזדנע און שטאָטישע אָפּטיילונגען פאַר פאָלקס-בילדונג תיכף צושטעלען אום צוזאַמענשטעלען באַריכטען וועגען פאָלקס-בילדונג, צוגרייטען געהעריגע רעפעראַטען, אָרגאַניזירען ראַיאָנע פאָרבאַראַטונגען, וועגען וועלכע מען דאַרף באַצייטענס מעלדען אין ביוראָ לויט'ן אַדרעס: ווילנע, פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג. ברייטע גאַס 54 ביוראָ צום צוגרייטען דעם צוזאַמענפאָר.

מיטגלידער פון ביוראָ סרושעווינסקי, טאָמסינסקי.

סעקרעטאַר שאַפּירא.

חברים!

אונזער צייטונג לעבט איבער א פינאַנסיעלען קריזיס. אויב אַלע חברים און מיטפי-לענדע וועלען זיך גלייך ניט אָפּרופען מיט שטיצע, וועט אונז אויסקומען דעם „וועקער" אָפּשטעלען.

די רעדאַקציע פון „וועקער" האָט אַרויסגעלאָזען שעהנע קינסטלערישע מאַרקעס 20 ק. 50 ק. צו 1 ר. די מאַרקעס דאַרף מען ברייט פאַרשפּרייטען, מען דאַרף קלעפּען אויף אַלערליי קוויטונגען, אויף בילעטען פון אַלערליי אונטערנעמונ-גען א. ז. וו. די מאַרקעס קען מען שוין באַקומען טעגליך אין קאָנטאָר פון „וועקער".

די רעדאַקציע.

ניי עס אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער ליטעראַטור!!!

עס דרוקט זיך

און אין גיכען ערשיינט אין דער אידישער איבערזעצונג

דאָס לעצטע גרויסע ווערק פון

קאַרל קאַוטסקי

„די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט"

מיט א הקדמה פון חבר אַבראַמאָוויטש.

518

פרייז 60 קאפ.

פראָלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניגט זיך!

דער וועקער

צענטראַל-אָרגאַן פון „בונד“ אין ראַטען-רוסלאַנד.

די רעדאקציע און קאנטאר געפינען זיך: זאכאריעווסקע נום. 54, זאכאריעווסקי׳ס הויז, אריינגאנג אין הויף. די קאנטאר איז אָפען טעגליך חוץ שבת פון 10 ביז 4 אזייגער

אדרעס פאר קארעספּאָנדענצען: Минскъ, редакція (конторъ) „Деръ Векеръ“

—— ערשיינט טעגליך. ——

[illegible] 28 ר.
[illegible] 3 חדשים 30 ר.
[illegible] 60 קאפ.

519 Минск, 4 апреля 1919 4 אפּריל

נייס אין דער אידישער ליטעראטור

ס'איז ערשינען א נייע ווערק וועגען קאאפּעראציע און קאאפּעראטיווען

וואס איז אזוינס א קאנסום-געזעלשאפט?

פון י. אייזענשטאט (יודין)

ארויסגעגעבען פון מינסקער ארבייטער-קאאפּ.

„איינינקייט“

פרייז 50 קאפ.

דער פארקויף אין קאנטאר פון „איינינקייט“ יוריעווער גאס נום. 6.

די פארוואלטונג פון ארב. קאאפּעראטיוו

„איינינקייט“

איז אריין אין אן אפמאך און האט איינגעשטעלט א ספעציעלען ביליגען פרייז מיט'ן צאָהנדאָקטאר

וואלקאמיטש

[illegible]

פאר די מיטגלידער פון קאאָפּעראטיוו וואס קומען צו איהם היילען די ציינער, פּלאָמבירען, אד. א. מאכען נייע ציינער

מודעה.

עס ווערט אנגענומען דער אבאָנעמענט אויף די פאָלגענדע פעריאָדישע אויסגאבען פונ׳ם אידישען פארלאג ביים פאָלקס-קאָמיסאריאט פאר בילדונג אין ליטע און רייסען

1) חדש׳דיקער זשורנאל — „די נייע וועלט“
פאר א יאר — 48 רובל. 6 חדשים — 26 ר. 3 חדשים 12 ר.
אין איינצעל-פארקויף 5 ר. א נומער.

2) צוויי-וואכיגער זשורנאל „פאָלקס-בילדונג“
פאר 3 חדשים — 6 רוב. אין איינצעלפארקויף 1 ר. א נומער.

3) צוויי-וואָכיגער קינדער-זשורנאל „גרינינקע ביימעלאך“
פאר 3 חדשים — 3 רוב. אין איינצעלפארקויף 1 רובל 50 קאפ. א נומער.

אדרעס: ווילנע, ברייטע גאס 54 פאָלקס-קאָמיסאריאט פאר בילדונג, „אידישער פארלאג“

ארבייטער-קאָאָפּעראַטיוו „איינינקייט“

אויף אויסצומיידען די שפּאַרענגעס אין די קראָמען, וועט פארקויפט ווערן פראָדוקטען לויט דער פאָלגענדער טאַבעלע.

זונטאָג	די ביכלאך פון נום.	1	ביז נום.	800
מאָנטאג		801		1600
דינסטאג		1601		2400
מיטוואָך		2401		3200
דאָנערשטאג		3201		4100

פרייטאג די וועלכע האבען צוליב וויכטיגע אורזאכען, ניט געקענט קומען אין די אנגעצייכנטע טעג.

די קאנטאר פון „איינינקייט“

האט זיך איבערגעקליבען אויף יוריעווסקע נומער 6 (אנטקעגען די באנע פּייראַ) אריינגאנג פון הויף אפען פון 10 פריה ביז 5 אווענד. מעלדונגען ווערען אנגענומען פון 10 ביז 8.

אין גראָסער-קלוב.

די קולטור קאָמיסיע ביי דער פארוואלטונג פון בונדישען גראָסער-קלוב האט באַשלאָסען צו ארגאניזירען א [illegible] רייהע לעקציעס פאר די מיטגלידער פון קלוב [illegible] פאליטישע, ליטעראַרישע און אנדערע פראגען.

[illegible] אפּריל [illegible] 8 אזייגער אין אווענט וועט דער חבר בראון [illegible] א צאָהל לעקציעס [illegible] סאציאלער רעוואָלוציע.

1) [illegible] פון דער ערשטער לעקציע
[illegible] וויסענשאפט און פּאָליטיק
[illegible] מאַרקסיזם.
[illegible] סיסטעם.
[illegible] סאציאלער רעוואָלוציע
[illegible]
[illegible] פּראָבלעם און די שוויריגקייטען [illegible]
[illegible]
[illegible] פאר די מיטגלידער [illegible]

די קולטור קאָמיסיע ביי דער פארוואלטונג

עס פאָדערען זיך

[illegible]
[illegible]
[illegible] ארבייטס בירא.
[illegible] 3 טער שטאק

ארבייטער קאָאָפּעראַטיוו „איינינקייט“

[illegible]

היינט זיין געשלאָסען די קראָם № 1 א. א. № 3.

די קיך וועט זיין געשלאָסען שבת ביז 6 אזייגער.

[illegible] „וועקער“

[illegible] קען מען [illegible] אין דער קאנטאר פון „וועקער“, מינסק זאכאר׳עווסקע 4[illegible].

[illegible] די קאנטאר

[illegible] פון די

האנדעלס-אנגעשטעלטע אריבערגעפּאַרען

[illegible] אין דעם געוועזענעם גובערנאטאר הויז, 2 טער שטאק.

מודעה.

[illegible] פון מינסקער גובערניקאם האט זיך איבערגעצויגען פון [illegible] אויף פּראָבראַזשענסקע 16.

[illegible] ביינערליכע, [illegible] פאר [illegible] די א. א. פאר אינפארמאציע און אינסטרוקציע [illegible] א רעכנונגס-אָפּטיילונג.

דער פארוואלטער פון דער מאַטעריאל-אָפּטיילונג פון מינסקער גובערניקאם (אינזשעניער)

שבת, דעם 5 אפּריל, 8 אזייגער אין אווענט וועט אין קלוב אויף [illegible] גראָסער׳ס נאָמען פּריוויטיס פּלאַץ 4, פארקומען

א מיטינג

אויף דער טעמע: די געשעהענישען אין אונגארן

עס רעדען ארויסטרעטען [illegible]

צוליב וואָס?

עס איז פארעפענטליכט געוואָרען א צעטעל פון 22 מענשען, וועלכע זיינען דערשאָסען געוואָרען לויט'ן אורטייל פון רעוואָלוציאָנערען טריבונאל.

מיר לייענען זייערע פארברעכען [illegible] גנב, [illegible] שפּעקולאנט [illegible] פּראָפעסיאָנעלער גנב. און מיר פרעגען: צוליב וואס ווערט דאס געטאָן?

דאס איז דאך אפילו ניט רויטער טעראָר. די אנהענגער פון רויטען טעראָר זאָגען: מ'דאַרף טעראָריזירען, אימה אויף די בורזשואזיע. [illegible] געווען דאס פארברעכער פון דער בורזשואזיע? די אנהענגער פון רויטען טעראָר זאָגען: מ'דארף זיך [illegible] אן פּאָליטישע שונאים. זיינען דאס געווען פּאָליטישע שונאים? די אנהענגער [illegible] זאָגען: מ'דארף זיך פארהיטען. [illegible] רייסט זיך א פארביטערטער פּאָליטישער שונא ארויס און שטעלט זיך בראש פון דער קאנטער-רעוואָלוציע. זיינען דאס געווען פּאָליטישע שונאים?

מיר האבען ניט איין מאל ארויסגעוויזען די צוועקלאזיגקייט פון רויטען טעראָר.

אבער דאס איז דאך אפילו קיין רויטער טעראָר ניט. דאס זיינען צוועקלאָזע אק-טען אפילו פון שטאַנדפּונקט פון די, וואס האלטען פון רויטען טעראָר.

מיר האבען דאס שוין געזאָגט און מיר מוזען דאס איבער׳חזרן: די וויסענשאפט, די סטאטיסטיק האט דערוויזען, אז טויטשטראף פארהיט ניט פון פארברעכען. דער פערד-גנב וואס ווייס, אז פאר׳ן גע׳גנב׳עטען פערד וועט מען אים שיסען, וועט הרג׳ענען דעם וועכטער און דעם בעל-הבית פון פערד כדי ניט געכאַפּט צו ווערן און אליין ניט געהרגט ווערען. דער גנב וואס טראגט אים א רעוואָלווער בסוד כדי צו שרעקען, און האט ניט בדעה צו ווערען א גזלן, וועט הרג׳ענען דעם ערוואכטען בעל-הבית, כדי אליין נצול צו ווערען פון טויט. דער וואס האט איין מאָל געהרג׳עט און ווייס, אז אויב מ'וועט אים כאפּען וועט ער דערשאָסען ווערען, וועט הרג׳ענען א צווייטען און א דריטען מאָל, כדי פארניכטען דעם עדות. דער שאנטאַזשיסט וועט ווערען א גזלן. ווייל פאר שאנטאזש קומט סיי ווי מיתה. דאס אלץ איז נאך מיט הונדערטער יאָהרען צוריק דערוויזען געוואָרען. א פארגרעסערונג פון דער צאָהל פארברעכען, א פארווילדערונג פון די זיטען, מעהר אכזריות ביי די פארברעכען — דאס איז א רעזולטאט פון הארטע שטראַפען בכלל און פון טויט-שטראַפען בפרט.

אבער דאס איז נאך ווייניג. אויף רע-וואָלוציאָנערע פאהנען שרייבט מען „אי-גענטום איז גנבה“. מ'טראגט די דאָזיגע פאהנען אין די גאסען, מ'פיהרט דורך דעם פּרינציפּ פון עקספּראָפּריאציע. ס'איז א איבערגאנגס צייט. מ'דארף אפילו קיין מארקסיסט ניט זיין, כדי צו אנערקענען, אז די פארברעכער זענען א פּראָדוקט פון זייער סביבה און פון זייער צייט. און אז דוקא די איצטיגע איבערגאנגס צייט, די צייט פון ברעכען, די צייט פון מהומה דארף שאַפען א גינסטיגען באָדען פאר קרימינעלע פארברעכען. קרימינעלע פאר-ברעכער מוז מען האלטען אין צוימען. מ'דארף זיי ניט דערלאַזען צו זייער שעד-ליכער טעטיגקייט [illegible] שטרענג אונטער-דריקען די גזלות און באוואַפענטע גנבות. ס'איז קלאָר, אז זיי זענען שעדליך פאר דער רעוואָלוציאָנערער ארדנונג.

אבער טויטשטראף העלפט ניט צו אונ-טערדריקען די דאָזיגע פארברעכען. [illegible] שאַפט פאר זיי א גינסטיגען באָדען. יאָהר-הונדערטער האט די וויסענשאפט געקעמפט פאר דעם געדאנק. ווער האט תמיד פאר-טיידיגט טויטשטראף פאר גנבה? דאס קליינבירגערטום. פאר׳ן קליינבירגערטום איז דער גנב דער ערגסטער פארברעכער אין דער וועלט. ער היט ניט אפּ די הייליגקייט פון אייגענטום. טויטשטראף פאר גנבים.

דאס איז דער קלאסען-[illegible] פונ׳ם קליינ-בירגער. אפילו די בורזשואזע וויסענשאפט האט זיך שוין אפּגעזאָגט פון דעם [illegible] מיטעל, ווייל עס איז צוועקלאָז. דאר-פען אונזערע רעוואָלוציאָנערע טריבונאלען העלפען די קליינבירגערליכע [illegible] זאָל זיך נאך פארשטאַרקען?

דאס געריכט איז א ערציהער פון [illegible] פאָלק. [illegible] אין די קינדערשע שפּי-לען, אין די גאַנצע פסיכאָלאָגיע פון פאָלק. [illegible] געריכטען [illegible] צו האלטען מיט די דאָזיגע לייט.

אבער [illegible] מען ארויף אויף דעם וועג, [illegible] אויסשטעסען אלע [illegible] קראנקע וואס קאָנען ניט [illegible] אלע [illegible] וואס דארף מען זיך מיט זיי האל-טען, געבען זיי עסען, אפּהיטען זיי? אויב אזוי קאָן מען דאך נאך ווייטער גיין.

אבער גענוג. מיר באמיהען זיך צו [illegible] אין גלאַסען [illegible] רעדען צום [illegible], אז די דאָזיגע אקטען [illegible] צוועקלאָז און שעדליך פאר דער רעוואָלוציע און פאר דער ראַטען-ארדנונג.

אבער שווער איז צו בלייבען רוהיג אין גלאַסען [illegible] פון דער [illegible] רייסט זיך [illegible] אין קירץ [illegible], און [illegible] וואס דרינגט דורך די גאנצע נשמה.

גענוי:

לעאָן טישקאָ.

בשעת די אויפשטאנדען אין בערלין איז געפאלען דער חבר לעאָן טישקאָ, איינער פון די אנגעזעהענסטע גרינדער און פיהרער פון דער פוילישער סאציאל-דע-מאָקראטיע.

חבר טישקאָ איז געווען א איד. זיין נאָמען איז יאָגיכעס. זיין יוגענד, אין די אכציגער יאָהרען, האט ער פארבראכט אין ווילנע. האט פארקעהרט אין די ערשטע קרייזען פון דער אידישער סאציאליסטי-שער אינטעליגענץ, און האט געארבייט צוזאמען מיט אונזער חבר יודין, ווי נארא-דאָוואָלצעס. שפּעטער איז ער אוועק אין אויסלאַנד און האט זיך אויסגעצייכנט אין די ערשטע רייהע פון דער פוילישער סאַצי-אַלדעמאָקראַטישער באוועגונג.

חבר טישקאָ האט פארבראכט א לעבען פול מיט רעוואָלוציאָנערען קאמף און אפּ-פערונג. ווי ראָזא לוקסעמבורג און צוזא-מען מיט איהר האט ער אין איינער און דער זעלבער צייט געארבייט סיי פאר דער פוילישער, סיי פאר דער דייטשער באוועגונג, און געזעסען סיי אין רוסישע סיי אין דייטשע טורמעס. אלס פארטרעטער פון דער פוילישער ס. ד. אין דער רוסלענדער פארטיי האט ער גענומען א נאָהענטען אַנ-טייל אויך אין דער אלגעמיין רוסלענדער פּאָליטישער ארבייט.

די גרעסטע ראָליע האט ער געשפּילט די לעצטע יאָהרען אין דער ספּאַרטאַקישער באוועגונג, אלס קאָנספּיראַטיווער ארגאַניזאַ-טאָר. אין פריהלינג 1918 האט איהם די דייטשע פּאָליציי ארעסטירט. באפרייט האט איהם די דייטשע רעוואָלוציע. איהם איז באשערט געוועזען נאך, צום סוף פון זיין לעבען, עטליכע חדשים אפּצוגעבען דעם גרויסען רעוואָלוציאָנערען קאמף און פאלען אויף זיין רעוואָלוציאָנערען פּאָסטען.

כבוד זיין אנדענקען!

אין אויסלאַנד

דייטשלאַנד.

די אויספאָרשונג וועגען ראַדעקען.

בערלין, 27 מארט. די אויספאָרשונג וועגען ראַדעקס ארעסט האט ניט געקענט פעסטשטעלען וועלכע עס איז ערנסטע באַ-שולדיגונגען וועגען איהם. די אויספאָרשונג האט פעסטגעשטעלט, אז ראַדעק איז געקומען קיין דייטשלאַנד אויף לעגאַלען וועג.

מ'ערוואַרט, אז ער וועט די טעג באַ-פרייט ווערען מיט דער באַדינגונג, אז ער וועט פארלאָזען די גרעניצען פון דייטש-לאַנד.

(ראָסטא)

דייטשלאַנד און רוסלאַנד.

נויען, 1 אַפּריל. אין דייטשלאַנד ווערט אלץ שארפער אויפגעהויבען די פראַגע וועגען באַנייען די באַציהונגען מיט רוס-לאַנד. די געזעלשאַפטליכע מיינונג פאַר-שטעהט ניט, פאַרוואָס דייטשלאַנד דאַרף איינשטימען אויף דער פאָדערונג פון דער אַנטאַנטע ניט אָנצוהויבען קיין פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַציהונגען מיט רוסלאַנד.

(ראָסטא)

א שטרייק אין עססען.

נויען, 1 אַפּריל. די ארבייטער פון עססען האָבען באַשלאָסען צו ערקלערען היינט אן אַלגעמיינעם שטרייק. צווישען אַנדערע האָבען זיי ארויסגעשטעלט די פאָדערונגען גלייך איינצופיהרען א 6 שעה׳דיגען ארבייטס-טאָג, אַנערקענען דאָס ראַ-טען-סיסטעם, גלייך באַפרייען אַלע פּאָלי-טישע ארעסטירטע, פונאַנדערלאָזען אַלע פרייוויליגע קאָרפּוסען און גלייך באַנייען די באַציהונגען מיט דער רוסלענדער ראַ-טען-רעפּובליק.

(ראָסטא)

א נאָטע פון דער דייטשער רעגירונג.

נויען, 29 מארט. אויף א באַראַטונג פון רעגירונגס מיטגלידער מיט די פיהרער פון די פארטייען פון דער נאַציאָנאַל-פאַר-זאַמלונג איז אויסגעארבייט געוואָרען א [illegible] נאָטע. לויט'ן וואַפענשטילשטאַנד-אַפּמאַך איז די דייטשע רעגירונג [illegible] צו געבען דער אַנטאַנטע א פרייען צוגאַנג צו דאַנציג און אין געביט פון [illegible], כדי צו מאַכען אן ארדענונג אין [illegible] טעריטאָריע פון דער געוועזענער רוסישער אימפּעריע. נאָר ביים שליסען דעם אַפּמאַך האָבען מיר געהאַט אין זינען, אז דאָס האַנדעלט זיך נאָר וועגען דעם מיליטער פון די פאַרבינדעטע מלוכות, אָבער ניט וועגען פּוילישען מיליטער. די דייטשע [illegible] קאָן זיך ניט רעכענען פאַר פאַרפליכטעט צו געבען דעם פּוילישען מיליטער א פרייען וועג קיין דאַנציג און אין מזרח פּרייסען.

(ראָסטא)

באַלאַגערונגס-צושטאַנד אין [illegible] געביט.

נויען, 1 אַפּריל. צוליב דעם, וואָס אין [illegible] געביט האָבען ווייטער אַנגעהויבען שטרייקען, האָט די דייטשע רעגירונג באַשטימט ארייננצופיהרען אַהין רעגירונגס-מיליטער און צו ערקלערען דעם געביט אין באַלאַגערונגס-צושטאַנד.

(ראָסטא)

דער צוזאַמענשטעל פון דער דייטשער שלום-דעלעגאַציע אויף דער שלום-קאָנ-פערענץ.

ווין, 27 מארס. דער צוזאַמענשטעל פון דער דייטשער שלום-דעלעגאַציע איז פאָלגענדער: דער אויסערן-מיניסטער גראַף בראָקדאָרף ראַנצאַו, פאַרזיצער פון דער דעלעגאַציע; מיטגלידער: מיניסטער אָהן א פּאָרטפעל דאַוויד, פּאָסט-מיניסטער גיס-בערטס, די האַמבורגער פינאַנסיסטען וואַר-בורג און [illegible] מעלשיאָר, וואָס רעכענען זיך פאַר ספּעציאַליסטען אין [illegible] פּראָפ. פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע אין הייד-עלבערג וועבער, פּראָפ. ברענטאַנאָ, פּראָפ. באַומגאַרטען, עדואַרד בערנשטיין און אַנדערע.

(ראָסטא)

שוועדען אנערקענט די נייע דייטשע רעגירונג.

שטאָקהאָלם, 28 מארס. ווי עס מעלדען די בערלינער צייטונגען, האָט די שוועדי-שע רעגירונג אנערקענט די נייע דייטשע רעגירונג און בעט צושיקען קיין שוועדען א דייטשען פאַרשטעהער.

(ראָסטא)

עסטרייך.

א אייזענבאַן-שטרייק.

ליאָן, 29 מארס. דער אייזענבאַן-שטרייק, וואָס האָט זיך דערווייל אַנגעהויבען אין עסטרייך און האָט נאָך ניט אַנגענומען קיין גרויסע פאָרמען, האָט געמאַכט א גרויסען איינדרוק. עס באַשטעטיגט זיך, אז דער שטרייק איז אויסגעבראָכען אויס'ן פּאָליטי-שען באָדען. מען האָט מורא, אז אפילו א קליינע איבעררייסונג פון דער אייזענבאַן-באַוועגונג וועט האָבען ערנסטע פאָלגען.

(ראָסטא)

די רעוואָלוציע אין אונגאַרן.

די לאַגע אין לאַנד.

בודאַפּעשט, 29 מארס. די באַוואָפענונג פון פּראָלעטאַריאַט געהט צו מיט ערפאָלג. דער פּראָלעטאַריאַט האָט אין א געוויסער מאָס ארויסגעוויזען זיין פעהיגקייט אַנצופיהרען מיט'ן עקאָנאָמישען לעבען פון לאַנד. די פּראָווינץ געהט נאָך נאָך בודאַ-פּעשט.

(ראָסטא)

ארעסטירט דעם געוו. ערצהערצאָג.

בודאַפּעשט, 29 מערס. דער קאָמיסאַר פון דער ס. ד. פּאַרטיי און קאָסטעלי האָט ארעסטירט צוויי אַריסטאָקראַטען, וואָס האָבען געוואָלט אַנטלויפען קיין דייטש-עסטרייך. עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז איינער פון זיי איז גראַף יולי-יוסגאַלינאַ און דער צווייטער איז דער גע-וועזענער ערצהערצאָג יאָסיף פראַנץ. די ארעסטירטע וועלען געבראַכט ווערען קיין בודאַפּעשט.

(ראָסטא)

א בונד מיט רוסלאַנד.

בודאַפּעשט, 2 מארס. דער פּרעזידענט פון דער אונגאַרישער רעגירונג גאַרביי האָט היינט באַזוכט דעם מיליטער פון אונ-גאַרישען מזרח-פראָנט. אין זיין רעדע צו די סאָלדאַטען האָט ער ערקלערט, אז אויף מערב האָט אונגאַרן ניט וואָס צו טאָן, אז אַלע האָפנונגען זענען געווענדעט אויף א בונד מיט דער גרויסער רוסלענדער רע-פּובליק.

(ראָסטא)

פראַנקרייך.

וועגען דער עקספּעדיציע קיין רוס-לאַנד.

ליאָן, 29 מארס. אין פראַנצויזישען פּאַרלאַמענט קומט פאָר די [illegible] שטימונג פון ביוזשעט. די סאָציאַליסטען זאָגען ניט צו שטימען פאַר די קרעדיטען [illegible] דעם, ווייל א טייל פון זיי וועט אויסגעגעבען [illegible] אויף דער עקספּעדיציע קיין רוס-[illegible], יעגען וועלכער זיי פּראָטעסטירען אין שאַרפסטען אופן. די ארבייטער האָ-בען אויף א מיטינג איינגעארבייט א פּלאַן פון א דעמאָנסטראַציע דעם 1-טען מאַי.

(ראָסטא)

זשאָרעסעס מערדער באַפרייט.

ליאָן, 31 מארס. זשאָרעסעס מערדער איז באַפרייט געוואָרען. די פראַנצויזישע סאָציאַליסטען [illegible] מיט די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען ארויסטרעטען מיט א פּראָטעסט געגען דעם אורטייל פונ׳ם בורזשואַזען געריכט, וואָס האָט באַפרייט דעם מערדער.

(ראָסטא)

ענגלאַנד.

א שטרייק.

לאָנדאָן, 27 מארס. (40.000) טויזענד ארבייטער אין די בערג-גרובען פון ראַטען-גאַרשטע און 30.000 בערג-ארבייטער אין דרום-וועלס האָבען ערקלערט א שטרייק.

(ראָסטא)

אונטער'ן איינדרוק פון א גענעראַל-שטרייק.

לאָנדאָן, 28 מארס. דאָס געזעלשאַפט-ליכע לעבען אין ענגלאַנד איז אינגאַנצען אונטער'ן איינדרוק פון ערוואַרטעטען גע-נעראַל-שטרייק. אַלע אַנדערע פראַגען פון פּאָליטישען לעבען זענען געוואָרען ווייני-גער אינטערעסאַנט. די פּאַריזער קאָנפערענץ איז אַפּגעטראָטען אויפ'ן צווייטען פּלאַן.

(ראָסטא)

אַמעריקע.

ניו-יאָרק, 6 מערץ. דער געוועזענער אַמעריקאַנישער [illegible] אַגענט אין רוסלאַנד האָט אין סענאַט געהאַלטען א פאָרטראַג וועגען דער באָלשעוויסטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס פאַרשפּרייט זיך אין אַמעריקע. דער פאָרטראַג האָט געמאַכט א גרויסען איינ-דרוק. די קאָמיסיע אויף צו קעמפען מיט'ן באָלשעוויזם האָט אויסגעארבייט א געזעץ-פּראָיעקט פון שטרענגע רעפּרעסיעס בנוגע די באָלשעוויסטישע אַגיטאַטאָרען. דער גע-זעץ-פּראָיעקט האָט אויפגערודערט די אַמע-ריקאַנישע ארבייטער, וואָס דראָהען מיט א שטרייק. די קאָמיסיע האַלט דאָך, אז מען מוז דעם געזעץ דורכפיהרען.

(ראָסטא)

א רעזאָלוציע ביי די טשעכישע סאָ-ציאַליסטען.

בודאַפּעשט, 2 אַפּריל. אויף א פאַר-זאַמלונג פון די באַפאָלמעכטיגטע פון דער טשעכישער סאָציאַליסטישער ארבייטער-פּאַרטיי, וואָס איז פאָרגעקומען אין פּראַג, איז אַנגענומען געוואָרען א רעזאָלוציע, אי-

[illegible] נעפארערט צו קאנפיס[illegible] ערד-איינענטום, די [illegible] די בענק, די [illegible] אויסצוגעבען א גע-[illegible] די רעוואלו-[illegible] דעם מיליטא-[illegible] [illegible]

(ראסטא)

אין [illegible]

[illegible]

(ראסטא)

אין אוקראינע.

[illegible] פאר דער פרייער [illegible] איינגעפירט געווארען [illegible] ערנעהרונגס [illegible] רעגיל [illegible] האבען [illegible] דאס ארויסגע-[illegible] צייטען די אר-[illegible] זיך ארויס צו פאר-[illegible]

(ראסטא)

[illegible]

(ראסטא)

[illegible] לאנד.

[illegible]

(ראסטא)

די [illegible] פרייזען אויף פּראָדוקטען.

[illegible] פראַנקפורטער מארק, וואס מ'פאר-[illegible] זענען [illegible]

[illegible] 10 ר. א פונט; צוקער (הארטע)
[illegible] ר. א פונט; צוקער (מעהל, 8—
[illegible] 120 [illegible] ר.
[illegible] 12 ר. א גראם;
[illegible] ר. א פונט; זאלץ—28 ר.
[illegible] 150 [illegible] ר. א
[illegible] ר. א פונט; [illegible]
[illegible] 40—2[illegible] ר. א
[illegible] א קיוארט; סמעטענע—
[illegible] (שווייצער)—120—
[illegible] אייער 70—90 ר. א
[illegible] 320—340 ר. א פונט; קאר-
[illegible] זייף (פּראסטע)—30—
[illegible] (טאל.)—20—40 ר.
[illegible] 3 ר. א קעסטעל;
[illegible] 360—400 ר. א פאר;
[illegible] 260—380 ר. א פאר;
[illegible] 800—900 ר. א פאר;
[illegible] 1800 ר. א פאר, שטיוועל—
[illegible] 150 ר. א פאר.

[illegible] אויף דעם, וואס עס [illegible] די אייזענבאן-באוועג-[illegible] די לעצטע טעג אויס'ן מארק גע-[illegible]

[illegible] אין די שיפען.

[illegible] 2 אפּרעל. די הויפּט-פאר-[illegible] פונ'ם וואסער-טראנספּארט האט באשטימט צו נאציאנאליזירען די שיפען פון טייך-פלאט אין די ערטער פון צפון-מערב'דיגען געגענד, וואס זענען באפרייט פון שונא.

ראסטא

13,000 פאר קאלאשען אין מעת לעת.

מאסקווע, 2 אפּרעל. די פּראדוקטיווי-טעט פון זאוואד „טרעאוגאלניק" דער-גרייכט 13000 פּאר קאלאשען אין מעת-לעת. דער זאוואד האט א גרויסען זאפאס באהייצונגס-מאטעריאלען.

(ראסטא)

אין לאטוויע.

ריגע, 1 אפּרעל. אלס בייט פאר די סחורה, וואס לאטוויע האט געגעבען, איז אנגעקומען פון אוקראינע קיין ריגע 35 וואגאן שטיין-קוילען, ס'קומען אויך אן ער-נעהרונגס-פּראדוקטען.

דער סאוונארכאז פון קאסטראמער גו-בערניע האט פארגעלעגט לאטוויען קאר-טאפעל-מעהל קעגען ערנעהרונגס-פּראדוק-טען. פון לאטוויען איז ארויסגעשיקט גע-ווארען קיין רוסלאנד 32 וואגאן פארשיי-דענע סחורות.

די ראטען-רעגירונג פון לאטוויע איז אריין אין פארבינדונג מיט איינינע אויס-לענדישע מלוכות, וועלכע האבען מסכים געווען צו באזארגען לאטוויען מיט פלייש און פיש-קאנסערווען אלס בייט פאר פלאקס און האלץ-מאטעריאלען.

אויס'ן אינזער צאלען, נעבען ריגע, איז מען צוגעטראטען צו ארגאניזירען די אר-בייטען אויף אויספּוצען [illegible] הידרא-עלעקטרישע איינריכטונגען. די געלד-מיטלען אויף דעם גיבען גלייך די ראטען-רעגירונגען פון רוס-לאנד און לאטוויען. די איינריכטונגען אויף צו עקספּלואטירען די עלעקטרישע ענערגיע וועלען געמאכט ווערען אויף רעכענונג נאר פון [illegible] רעגירונג. דער לעצטער וועט ארויסגעבען אן אוואנס פון 100 מיליאן. אויף די צוגרייטונגס-ארבייטען ווערט תכף אסיגנירט 5 מיליאן.

(ראסטא)

פון די פראנטען.

דער אנגריף אויף אופא.

ארענבורג, 29 מארט. דער אנגריף פון דער 5-טער ארמיי אויף אופא געהט צו מיט ערפאלג. נעגליך ווערען גענומען [illegible] געפאנגענע, פּולעמיאטען און ביקסען. ביים שונא באמערקט זיך א יאוק-לעניש.

פראנט באריכט פאר'ן 2-טען אפּריל.

מערב-פראנט. פּסקאווער ראיאן. פעטראגראדער ריכטונג: עס געהט א הארטער קאמף. די רויטע עסטאנישע טיילען האבען פארנומען די ישובים באלשאיע און מאלא-יע ניעפּשאיעווא, 10 ווערסט צפון'דיגער פון דער שטאט פעטשארי. וואלמארער ראיאן: די רויטע לעטישע טיילען האבען ווי-דער פארנומען גייניאש. [illegible] ראיאן, [illegible] ריכטונג: עס געהט א קאמף מיט'ן אנגריף פון שטערער ארטילעריע. פאנעוועזשער ריכטונג: די רויטע לעטישע טיילען זענען איבערגעגאנגען צום אנגריף און הא-בען פארנומען א רייהע ישובים און די סט. און שטעטעל סובאטש, 25 ווערסט מזרח-דיגער פון פאנעוועזש. מאיירער ריכטונג: דער שונא האט פארנומען מאיער.

דרום-פראנט. אוואקער ראיאן: אין די קאמפען ביי יוזאווקע, ביי די [illegible] [illegible] האבען מיר פאר-כאפּט מעהר ווי הונדערט געפאנגענע, 5 פיל-מאטע. צפון'דיגער האבען מיר פארנומען די סט. [illegible]. מזרח'דיגער פון דער סט. [illegible] האט זיך דעם שונא איינגע-געבען צו פארנעמען די סט. [illegible] באכמו[illegible]. נאר דורך א קאנטר-אטאקע האבען מיר די לעצטע סט. צוריק פארנומען. באכמוטער ראיאן: אינ-זערע טיילען געהען צו צו דער סט. גא-ראלעווקא דרום'דיגער פון ניקיטאווקא. מזרח'דיגער האט דער שונא פארנומען כא-טשאגאטשאווקע, נאר א דאנק אונזערע פאר-שטארקונגען איז די לאגע צוריק אויסגע-שטעלט געווארען. לוגאנער ראיאן: צוליב דעם, וואס דער שונא איז ארומגעגאנגען אונזער פלאנג, האבען אונזערע אפּטיילונ-גען געמוזט איבערגעהן די ליניע פון דער סט. סאטשעווקא.

מזרח-פראנט. סטערליטאמאקסקער ראיאן. ווערכניע-אוראלסקער ריכטונג: אונ-זערע טיילען האבען פארנומען א רייהע ישובים 45 ווערסט מזרח'דיגער פון קא-נאניקאלסקער זאוואד. אופימער ראיאן, סטערליטאמאקסקער ריכטונג: אונזערע אפּטיילונגען זענען אונטער'ן דרוק פון שטארקע פיינדליכע קרעפטען קעמפענדיג צוריקגעגאנגען אויף דער ליניע פון טייך א אורגאזא—אזערע לעלע-קול. מענזעלינ-סקער ראיאן, קראסנא-אופימסקער ריכטונג: צוליב דעם, וואס דער שונא איז ארומגע-גאנגען אונזער רעכטען פלאנג, זענען אונ-זערע אפּטיילונגען געוועזען געצוואונגען צו פארלאזען דעם ביקבארדינסקער זאוואד. אופימער ראיאן. אונזער אנגריף האט ניט געהאט קיין ערפאלג. פערמער ראיאן: ביי דער סט. קוזמא געהט ווייטער דער קאמף.

(ראסטא).

פון אוקראינישען פראנט.

פראנט-באריכט פון 31. מארט. אין קא-ראסטאגער ריכטונג געהען אונזערע אפּ-טיילונגען צו צו קאראסטען, ניט טרעפענ-דיג קיין ווידערשטאנד. אין אדעסער ריכ-טונג האבען מיר זיך פאראויסגערוקט און פארנומען דעם ישוב יאקאוו טישען. אויפ'ן קרימער חלב-אינזעל זענען מיר איינגע-גאנגען הארט צו סיוואשער בריק, ניט קוקענדיג אויף די דראט-פארצאמונגען. דעם 29 מארץ איז די רויטע ארמיי אריין אין מאריופּאל. מיר האבען דארט פאר-כאפּט די ב"ע-ארטילעריע, וועלכע איז געוועזען געגען די ווייסע. עס קומט פאר א ארטילעריע-קאמף צווישען די אנטאנטישע שיפען און אונזער ברעג-ארטילעריע. לויט ידיעות, וואס האבען זיך באקומען אין דער פארוואלטונג פון די דרום'מערב'דיגע אייזענבאנען, האבען אפּ-טיילונגען רויטע ארמייצעס און פארטיזא-נען פארנומען פּראסקוראוו, און מאגיליאוו פּאדאלסקי אויפ'ן דנעסטר. די רויטע ארמיי איז אריין אין בארירונג מיט'ן רומענישען מיליטער, וואס אקופּירט בעסאראביען און א טייל פון פּאדאליען.

(ראסטא)

מינסקער לעבען

— אין גארקאמפּראד. נעכ-טען איז פארגעקומען אין גארקאמפּראד א באראטונג, וואו עס זענען באטראכט געווארען די פראגען וועגען ארגאניזירען די קאלעגיע פון גארקאמפּראד, וועגען מצה אויף פסח און וועגען ארגאניזירען אויפזיכט-רעקוויזיציאנע אטריאדען אכטונג צוגעבען אויפ'ן האנדעל און צו קעמפען מיט דער ספּעקולאציע אויף די פּראדוקטען פון דער ערשטער נויטווענדיקייט.

— ערנעהרונג פאר קינדער. אין די ערנעהרונגס-פּונקטען פאר די שול-קינדער וועט איינגעפירט ווערען א קאר-טען-סיסטעם.

— היינט וועט פארקומען א בארא-טונג וועגען ערנעהרען די שול-קינדער אין די יום-טוב טעג און ספּעציעל וועגען ערנעהרען די אידישע קינדער אום פסח

אין גובפּראדקאם איז באשטימ[ט] געווארען אויסצוארבייטען א אינסטרוקציע פאר די אופּראדקאמען וועגען איינארדנען אין די אויעזדען ערנעהרונגס-פּונקטען פאר די שול-קינדער.

— פלייש. די פלייש אפּטיילונג האט באקומען א מעלדונג, אז מ'זאל שיקען א פארשטעהער אפּנעמען 50 שטיק פיה. צו-ליב פארשיידענע אורזאכען, דארף אבער די אפּטיילונג מקבל זיין 9 קעלבלאך ניט בעקו-מען. פון דעם וועט זיין איינגאנצען ארום 20 פּוד פלייש פאר די קראנקען-הייזער.

אויף דער זיצונג פון גובפּראדקאם איז באריכטעט געווארען, אז פלייש ווערט איינגעקויפט אין 2 אויעזדען. פון מינסקער אויעזד ערווארטעט מען א קליינע פארטיע פיה. 2 גרעסערע פארטיעס 200 און 250 שטיק ווערען ערווארטעט פון [illegible] אויעזד. פון די אנדערע אויעזדען זענען קיינע באריכטען ניטא.

אנשטאט פלייש. אזוי ווי קיין גרויסע האפנונגען צו קריגען פלייש איז ניטא, האט דער גובפּראדקאם באשלאסען אנצוגרייטען אנדערע פּראדוקטען אויף צו פארבייטען פלייש. ס'איז באריכטעט גע-ווארען, אז פּוטער קען מען קריגען צו 50—60 רובל א פונט, אייער 4—19 ר. א צענדליג, קעז 15 ר. א פונט. ס'איז באשטימט געווארען פעסטצושטעלען די פרייזען פון די [illegible] די ערטער און איינקויפען זיי אויף פעסטע [illegible]

— א שטאטישע קראם. אויפ'ן ווינקעל גובערנאטארסקע און פרייהייטס-פּלאץ אין דער געוועזענער לעווינס קראם, ווערט געעפענט א נייע שטאטישע קראם. מען פארזיכערט, אז כדי אויסצומיידען די אטשערעדען זאל די נייע קראם באדי-נען די פאבריק-קאמיטעטען וואס נעמען פּראדוקטען פאר אלע זייערע ארבייטער מיט א מאל.

— [illegible] אויף דער זיצונג פון גוב-פּראדקאם איז באטראכט געווארען די פראגע וועגען קריגען היי פאר מינסק. פון די באריכטען ווייזט זיך ארויס, אז מעהר ווי אין היי זענען מאיירער און רעטשי-[illegible] אויעזדען. נור ברענגען פון דאר-טען די היי קען מען ניט, ווייל מען דארף האבען אמניבוסען, וואס זאלען פירען די היי ביז'ן באן-סטאנציע. אין אמניבוסען איז א גרויסער דוחק און ס'איז אויך ניטא די נויטיגע צאל ברען-מאטעריאל, וואס איז דערצו נויטיג. ס'ווערט דעריבער באקלערט די פראגע וועגען ברענגען אהער היי פון סמאלענסקער גובערניע.

— דער גובפּראדקאם האט באשלאסען צו געבען הונדערט טויזענד רובל אויף זריעה פאר די שקאטישע גערטנער.

— געבייטעלטע מעל. צוליב דעם אידישען און קריסטליכען פסח, איז אין גובפּראדקאם באטראכט געווארען די פראגע וועגען ערלויבען די מילען צו בייטלען די מעל. ס'איז באשטימט געווארען אזא ערלויבניש ניט צו געבען.

— א ווארשט-פאבריק. ביי דער שעכט-הויז ווערט געפּלאנט צו עפענען א ווארשט-פאבריק. דעם פארוואלטער פון דער שעכט-הויז ח' ג. ראבינאוויטש איז איבערגעגעבען געווארען אויסצוארבייטען א גענויען פּלאן פון אזא פאבריק. די ווארשט וועט זיין פונ'ם בעסערען סארט און לויט אלע פאדערונגען פון דער היגיענע.

— פון דער ארבייטס-בירזשע. אין דער ארבייטס-בירזשע פאדערען זיך טעכניקער ספּעציאליסטען אין ציגעל און קאכעל-פאך, וואס זענען באקאנט מיט בוי-מאטעריאלען.

— א שול פאר טויב-שטומע. דער בילדונגס-קאמיסאריאט עפענט א שול פאר טויב-שטומע, וואו מען וועט לערנען עלעמענטארע בילדונג און האנדווערקעריי. שילער ווערען אנגענומען אהן אונטערשייד פון נאציאן און געשלעכט. דער קורס וועט געדויערען ביי 6 אדער 7 יאר. דאס לער-נען און די אויסהאלטונג פון די שילער איז אומזיסט. מעלדונגען ווערען אנגענומען אין יוריעווסקע 33 (געוועזענע פּאלטשא-ניצקאיע) פון 4 ביז 6 אזייגער.

— א אוניווערזיטעט אין מינסק. דער מינסקער גובערניאלער בילדונגס-קאמיסאריאט האט ארויסגעלאזען פאלגענדען אויפרוף אין 4 שפּראכען רו-סיש, ווייסרוסיש, פּויליש און אידיש:

עס ווערט פארווירקליכט די אויסערסטע שטרעבונג פון די פילגעשרייטעסטע מענ-שען פון אונזער קאנט. ביי אונגלויבליך שווערע באדינגונגען שאפט די רעוואלוציע דארטען, וואו ביי א סך בעסערע באדינ-גונגען האט דער אלטער רעזשים פארבר-כעריש גארניט געטאן: אין מינסק שאפט זיך א מלוכה-אוניווערסיטעט.

דער מינסקער אוניווערסיטעט וועט ברענגען זעהר גרויסע נוצען אונזער קאנט. ער וועט באפרידיגען די פאדערונגען פון דער באפעלקערונג אין וויסענשאפטליך-צוגעגרייטע מענשען פאר אלע געביטען פון געזעלשאפטליכער און מלוכה בויאונג; ער וועט באשאפען אין דער נאהענטסטער צייט גאנצע קאדרען פון לערער פאר יע-דער ארבייטס-שולע, דאקטוירים און אגראנא-מען, ער וועט געבען די מעגליכקייט אלע באגאבטע נאטורען צו פארברייטערען און פארטיפען די וויסענשאפטען, צו וועלכע די מענשהייט האט שוין דערגרייכט. ער וועט הויך אויפהויבען דעם קולטורעלען צושטאנד פון דער גאנצער באפעלקע-רונג.

די טירען פון דעם אוניווערסיטעט וועלען זיין אפען פאר אלעמען. אין באגרענ-צונג בלייבט נאר פאר'ן אנקומען וואס איז פאר די, וואס זיינען נאך ניט אלט געווא-רען קיין 16 יאר. פאר וועניג צוגעגרייטע וועלען געשאפען ווערען צוגרייטונגס-קורסען צו דעם אדער יענעם פאקולטעט. ס'וועלען אנגעווענדט ווערען אלע מיטלען אז ניט דער סטודענט זאל דעם אוניווער-סיטעט זוכען, נאר דער אוניווערסיטעט דעם סטודענט.

אנערקענענדיג די גאנצע שווירקייט פון ארגאניזירען, ביים איצטיגען מאמענט, דעם אוניווערסיטעט אין מינסק, ווענדעט זיך דער בילדונגס-קאמיסאריאט צו אלע געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס ווי אויך צו איינצעלנע פּערזאנען, וועמען ס'איז טייער די אויפבליהונג פון אונזער קאנט מיט א הייסען צורוף קומען איהם צו הילף ביי דער הייליגער ארבייט מיט וואס ווער עס קען: מיט געלט, מיט ביכער, מיט נוי-טיגע ארגאניזאטארישע און וויסענשאפטלי-כע קענטענישען ווי אויך מיט לעהר-הילפס-מאטעריאלען.

דער קאמיסאריאט איז טיף איבער-צייגט, אז דער צורוף וועט ניט בלייבען ווי א קול, וואס רופט אין דעם מדבר, און אז ער וועט באגעגענען צווישען דער באפעלקערונג די באציהונג פון מיטגעפיהל און דאנקבארקייט.

מיט פּראפּאזיציעס ווענדעט זיך צום סעק-רעטאר פון דער ארגאניזאציאנס-קאמיסיע פאר שאפען א אוניווערסיטעט ח. א. דו-כאנאוו אין גובערניאלען בילדונגס קאמי-סאריאט (הויז פון געוועזענעם ארכיערי)

— אין יוגענד-בונד. מארגען ביינאכט וועט אין „גראסער-קלוב" פארקומען א פארזאמלונג פון יוגענד-בונד.

— א מיטינג פון בונד. מאר-גען 6 אזייגער וועט אין גראסער-קלוב פאר-קומען א מיטינג וועגען די געשעהענישען אין אונגארן. דער מיטינג איז ארגאניזירט פון מינסקער קאמיטעט פון „בונד".

ל. מ. ווענדראוו.

אין רעדאקציע האט זיך דאקומען א ידיעה, אז דעם 17-טען מארט איז אין פּע-טערבורג געשטארבען פון א טיפוס דער חבר ל. מ. ווענדראוו. דער פארשטארבענער האט אנגעהייבען זיין רעוואלוציאנערע טע-טיגקייט אין 1904 יאר אין מינסק.

עהרע זיין אנדענקען!

גלייכצייטיג האט די רעד. באקומען פאלגענדען בריף פון פּעטראגראדער קא-מיטעט פון „בונד":

דעם אנאנס פון פּעטראגראדער קאמי-טעט פון „בונד" וועגען דער לויה פון דעם פארשטארבענעם חבר האט דער היגער אפיציעלער ארגאן „סעווערנאיא קאמונא" זיך אפּגעזאגט אנצונעמען, ווי „פון ארגא-ניזאציע, וואס איז פיינדליך די באל-שעוויקעס".

אין פאנד פון „וועקער"

פון דער ארגאניזאציע, רעטשיצע, וויט. גוב. פּראפּארציאנעל-ער שטייער, לויט'ן צירקולאר פון צ. ק. 100 רוב.

פון האמלער ארגאניזאציע	500 ר.
פון י. ז. קאטאנעוו 5(0	ס"ה 1106 ר.

רעדאקטאר-ארויסגעבער

פּרובקינא-ווייכמאן (אסתר)

ס'ווערט אנגענומען דאס אבאנעמענט אויפ'ן „וועקער" פונ'ם 1-טען אפּריל

אין מינסק 10 רובל אחודש אין אנדערע שטעט 12 ר.

מיר בעטען אלע ארגאניזאציעס און די חברים לעזער אומבאדינגט אריינצושיקען דאס אבאנעמענט-פרייז, אויך די חובות ביז'ן 1 אפּריל, כדי עס זאל ניט פארקומען קיין אפּהאלט אין ארויסשיקען די צייטונג. די קאנטאר.

אין שוך-ווארשטאט פון „איינינקייט"

ווערען ניט אנגענומען ביז נאך פסח קיינע באשטעלונגען אויף נייע שוכווארג אדער פאריכטען אלטע.

ווער עס וויל לעזען דעם „וועקער"

קען באקומען די צייטונג מעגליך ביי זיך אין דער היים:

פון היינט איז ארגאניזירט געווארען א עקספּעדיציע צו פאנאנדערטראגען דער „וועקער" יעדען אבאנענט צו אים א היים. ווער עס וויל באקומען די צייטונג אויף אזא אופן קען מעלדען וועגען דעם אין ארבייטער-היים „בראנישלאוו גראסער" טעגליך פון 7 אזייגער.

באבריסק.

חברים, פארשפּרייט אייער צייטונג!

חברים! אין יעדער שטעטעל מיזען גלייך געשאפען ווערען „וועקער-קאמיטעטס", וואס זאלען וואס ברייטער פארשפּרייטען די צייטונג און שאפען פאר איר א רעגולערע געלד-שטיצע. מ'מוז גלייך זאמלען געלט, איינארדנען „וועקער-אוונטען", פאר-שפּרייטען די „וועקער-מארקעס".

חברים, די צייטונג קען נאר אן עקזיסטירען, ווען יעדער ארבייטער וועט איר קומען צו הילף.

חברים, פארשפּרייט אייער צייטונג!

דער איינקויף-ארגאן פון ראט

פון די פאראייניגטע ארבייטער-קאאפּעראטיוען אין וועלכען עס געהען אריין אויך פארשטעהער פון [illegible] און די פּראפעסיאנעלע פאראיינען, בעט אלע פּריוואטע פּערזאנען אדער ארגאניזאציעס וואס האבען פארצוליגען פארשיידענע סחורות, זיי זאלען זיך ווענדען [illegible] אין קאנטאר פרייהייטס-פּלאץ נומער 4 [illegible] טעגליך פון 12 ביז 3 א זייגער ביטאג.

אין אפּטיילונג פאר סאציאלער פארזארגונג און פאר ארבייטס-שוץ

ביים א. ב. [illegible]-קאמיסאריאט פון דער ווייסרוסישער רעפּובליק.

ארבייטער און אנגעשטעלטע [illegible] ווערען אין [illegible] און אנשטאלטען וועלכע [illegible] ארבייטער און [illegible] אריינגעקומען [illegible] אויך די דווארניקעס און הויז-[illegible] די [illegible] פון 10 ביז 4 ביים [illegible] כדי 2 טער [illegible] 8 [illegible] מיט וועלכע [illegible] און אויך נאטור-הילף (פּראדוקטען, בגדים וואוינונג און אנד.)

אהן איינע צייגנישען וועט קיין הילף די [illegible] ניט געגעבען ווערען.

די אפּטיילונג פון סאציאלע פארזארגונג און ארבייטס-שוץ

מעלדעט די ארבייטער, אז פון 7-טען מארט וועט מען ארויסגעבען הילף די אר-בייטסלאזע 7 רובל א טאג פאר א איינצעלנעם און 10 רובל א טאג פאר די וואס דארפען [illegible] שטיצען. [illegible] וועט [illegible] ווערען די שטיצע וואס מען באקומט אין דער [illegible] צייט [illegible]. מען דארף פריהער אנ-געבען א מעלדונג און צולייגען צו איר: 1) א קארטע פון ארבייטס-בירזשע; 2) פּאספּארט [illegible] פון דער ארבייטס-לאזער דארף שטיצע; 3) א באשטעטיגונג פון דעם לעצטען ארט, וואו מען האט געארבייט אדער א באשטעטיגונג פון פּראפ. פאראיין, אז דער ארבייטסלאזער האט ווירקליך פריהער געארבייט אויף א באשטימטען ארט און געהערט צום צעך. אויסער דעם דארפען די מיטגלידער פון פּראפ. פאראיין אויך צושטעלען זייער מיטגלידס-ביכעל; 4) א באשטעטיגונג פון'ם הויז-קאמיטעט, אז דער ארבייטסלאזער איז נויט-באדערפטיג.

די שטיצע וועט ארויסגעגעבען ווערען פאר יעדער פארגאנגענער וואך. די מעל-דונגען דארף מען אנגעבען פון 7 מארט אין אפּטיילונג, ארבייטס-הויז, צימער נומער 10 פון 10 ביז 2 ביי טאג. כדי א סטאטיסטיק איבער ארבייט בעט מען מיטצוברענגען אלע אנגעבענע דאקומענטען.

אין אנהייב אפּריל הייבט אן ארויסגעהן דער 2 יאהרגאנג קינדער זשורנאל

„גריניִנקע ביימעלאך"

ארויסגעגעבען פון פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג אין ליטע און ווייסרוסל.

מען בעט אלע אידישע ליטעראטען און לערער, וואס פארמאגען וועלכע ניט איז מאטעריאלען ווי ערצעהלונגען, לידער, שפּילען און כרומה, סיי אריגינעלע און סיי איבערזעצטע, און אויך זאכען געשריבען פון קינדער—צוצושיקען דאס אין רע-דאקציע „גריניִנקע ביימעלאך" אף אז דעם אדרעס: ברייטע גאס, קאמיסאריאט פאר בילדונג „גריניִנקע ביימעלאך".

אבאשטימונג פון גוב. קאמיסאריאט פון ארבייט

צוליב דעם, וואס פון פּראפעסיאנעלען פאראיין פון די דווארניקעס איז אנגעקומען א מעלדונג, אז איינינע הויז-אייגענטימער און הויז-קאמיטעטען צאהלען ניט אויס די דווארניקעס זייערע שכירות לויט דעם טאריף פון פּראפעסיאנעלען פאראיין, אנהויבענדיג פון 10 דעצעמבער 1918, דערמאנט דער ארבייטס-קאמיסאריאט אלע הויז-אייגענטימער און הויז-קאמיטעטען, אז יעדער מין אפּזאגען זיך פון באצאלען די ארבייטער דעם באשטימטען לוין וועט ניט דערלאזען ווערען און די שולדיגע וועלען איבערגעגעבען ווערען דעם געריכט.

גובערנסקער קאמיסאר פון ארבייט האראש.
פאר'ן סעקרעטאר פרידלאנד.

חברים!

אונזער צייטונג לעבט איבער א פינאנציעלען קריזיס. אויב אלע חברים און מיטפי-לענדע וועלען זיך גלייך ניט אפּרופען מיט שטיצע, וועט אונז אויסקומען דעם „וועקער" אפּשטעלען.

די רעדאקציע פון „וועקער" האט ארויסגעלאזען שעהנע קינסטלערישע מארקעס 20 ק. 50 ק. צו 1 ר. די מארקעס דארף מען ברייט פארשפּרייטען. מען דארף קלעפּען אויף אלערליי קוויטונגען, אויף בילעטען פון אלערליי אונטערנעמונ-גען א. ז. וו. די מארקעס קען מען שוין באקומען טעגליך אין קאנטאר פון „וועקער".

די רעדאקציע.

דער ראט פון די פּראפעסיאנעלע פאראיינען

דערמאנט אלע אנגעשטעלטע און ארבייטער פון מינסק, וועלכע האבען נאך ניט אריינגעטראגען דעם איינטאגיגען פארדינסט אויף א מתנה פאר דער רויטער ארמיי, אז זיי דארפען עס ניט שפּעטער פון 5 אפּריל אריינטראגען אין קאמיסאריאט פון פאלקס-בילדונג, דער ח' בעראזאווא, טעגליך ביז 4 א זייגער ביטאג.

פרייז 60 קאפ.

פראלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניגט זיך!

דער וועקער

צענטראל-ארגאן פון „בונד“ אין ראטען-רוסלאנד.

די רעדאקציע און קאנטאר געפינען זיך: זאכאריעווסקע גאס 54, אקרו[illegible]סקי'ס הויז, אריינגאנג אין הויף. די קאנטאר איז אפען טעגליך חוץ שבת פון 10 ביז 4 אזייגער.

אדרעס פאר קארעספאנדענצען: Минскъ, редакція (конторъ) „Деръ Векеръ“

— ערשיינט טעגליך. —

520 Минск, 6 апреля 1919 6 אפריל

מודעה.

עס ווערט אנגענומען דער אבאנעמענט אויף די פאלגענדע פעריאדישע אויסגאבען פונ'ם אידישען פארלאג ביים פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג אין ליטע און רייסען

1) חדשדיקער זשורנאל — „די נייע וועלט“
פאר א יאר — 48 רובל. 6 חדשים — 26 ר. 3 חדשים [illegible] ר.
אין איינצעל-פארקויף 5 ר. א נומער.

2) צווייוואכיגער זשורנאל „פאלקס-בילדונג“
פאר 3 חדשים — 6 רוב. אין איינצעלפארקויף 1 ר. א נומער.

3) צווייוואכיגער קינדער-זשורנאל „גרינינקע ביימעלאך“
פאר 3 חדשים — 3 רוב. אין איינצעלפארקויף 1 רובל 50 קאפ. א נומער.

אדרעס: ווילנע, ברייטע גאס 54 פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג, „אידישער פארלאג“

ארבייטער-קאאפעראטיוו „אייניגקייט“

אויף אויסצומיידען די שפ[illegible] אין די קראמען, וועט [illegible] ארקויפט ווערען פראדוקטען לויט דער פאלגענדער סדר:

זונטאג	די ביכלאך פון 1 ביז נומ.	800
מאנטאג	801	1600
דינסטאג	1601	2400
מיטוואך	2401	3200
דאנערשטאג	3201	4100

פרייטאג די וועלכע האבען צוליב וויכטיגע אורזאכען ניט געקענט קומען אין די אנגעצייכענטע טעג.

די קאנטאר פון „אייניגקייט“

האט זיך איבערגעקליבען אויף יוריעווסקע נומער 6 (אנטקעגען די באנק ביירא) אריינגאנג פון הויף אפען פון 10 פריה ביז 5 אווענט.
מעלדונגען ווערען אנגענומען פון 10 ביז 8.

ניים אין דער אידישער ליטעראטור

ס'איז ערשינען א נייע [illegible]
וועגען קאאפעראציע אין קאאפעראטיוועך

וואס איז אזוינס קאנסום-געזעלשאפט?

פון [illegible]
ארויסגעגעבען פון מינסקער ארבייטער-קאאפ.
„אייניגקייט“
פרייז 50 קאפ.
דער פארקויף אין קאנטאר פון „אייניגקייט“ יוריעווער גאס נומ. 6.

די פארוואלטונג פון ארב. קאאפעראטיוו

„אייניגקייט“

[illegible] אין אבטאך אין האט איינגעשטעלט א ספעציעלען ביליגען

[illegible]

וואלקאמיטש

[illegible] 38

פאר די מיטגלידער פון קאאפעראטיוו וואס קומען צו איהם הילפען די ציינער [illegible], אדער מאכען נייע ציינער

האנדעלס-אנגעשטעלטע

די פארוואלטונג פון פאראיין פון די האנדעלס-אנגעשטעלטע [illegible] אריינטאגען, אין פאליית פון 8 טעג [illegible] [illegible] אפצאהלען [illegible] פאר דער רויטער ארמיי.
[illegible] חברים וואס וועלען דאס ניט ערפילען וועלען אנגענומען ווערען די [illegible].

די פארוואלטונג.

מאנטאג דעם 7 טען אפריל 6 אזייגער אווענט וועט אין [illegible] [illegible] פארקומען

א אלגעמיינע פארזאמלונג

פון די ארבייטסלאזע [illegible] פון פראפעסיאנעלען פאראיין פון די

האנדעלס-אנגעשטעלטע

פון אלע סעקציעס. ס'וועט באהאנדעלט ווערען די פראגע וועגען באזארגען די ארבייטסלאזע.
אלע ארבייטסלאזע [illegible] אומבאדינגט קומען.

די קאמיסיע פאר ארבייטסלאזע ביי דער פארוואלטונג.

אין גראסער-קלוב.

די קולטור קאמיסיע ביי דער פארוואלטונג פון בונדישען גראסער קלוב האט באשלאסען [illegible] א גאנצע רייהע לעקציעס פאר די מיטגלידער פון קלוב [illegible] סאציאליסטישע, פאליטישע ליטעראַרישע און אנד. פראגען.

[illegible] דעם 6 אפריל פונקט 8 אזייגער אין אווענט וועט דער חבר ב ר א ו ן [illegible] די [illegible] פון א ציקל לעקציעס וועגען דער סאציאלער רעוואלוציע.

[illegible] פון דער [illegible] לעקציע:
1) [illegible] ווייסענשאפט און פאליטיק.
2) [illegible] סאציאליזם און דער מארקסיזם.
3) [illegible] אלס א ווירטשאפטס סיסטעם.
4) די [illegible] פון דער סאציאלער רעוואלוציע.
5) [illegible] פון דעם קורס.
6) [illegible] פון דער פראבלעם, און די שוועריגקייטען [illegible] [illegible] [illegible] אויס.
א [illegible] פאר [illegible] מיט [illegible] קארטען.

די קולטור קאמיסיע ביי דער פארוואלטונג.

עס פאדערען זיך

[illegible] אין [illegible] קאפע-פאר [illegible] באקאנט מיט ביי מאטעריאלע.
[illegible] פינאנדערציילען די ארבייטס קראפט (ארבייטס-בירושע), ארבייטס הויז, 3-טער שטאק.

מודעה.

די [illegible] ביי מינסקער גיבערעוקאם האט זיך איבערגעצויגען פון [illegible] אויף פראבראזשענסקע. [illegible]
[illegible] אינטער אפטיילונגען: די בירגערליכע, די פאר[illegible] פון [illegible]. די א. אפט. פאר אינפארמאציע און אינסטרוקצ.
[illegible] אין רעכנונגס-אפטיילונגען.
[illegible] פון דער פארוואלטונגס-אפטיילונג
פון מינסקער גיבערעוקאם (אונטערשריפט)

די קריטישע שעה.

באוו[illegible] אז דאס [illegible] לאנד לעבט איצט איבער א קריטישע שעה. ס'איז סוף ווינטער. [illegible] דאס אונגעריייטע פלעגט זיך אויסגעבען אייך אין נארמאלע צייטען. ווען ס'פלעגט אמאל אייך אנהייבען פעהלען [illegible] קארטאפעל, גריס, וועגער רעדט איצט [illegible] האט מען ווייניג, ווען דער טראנספארט איז רואינירט, ווען די [illegible] צו ראנגלען זיך געגען קאנטר-רעוואלוציאנערע אנגריף נעמט אפ אייך [illegible] אין ווען דער דארף באהאלט [illegible] פראדוקטען און וויל זיי [illegible] ווייל די שטאט האט [illegible] קיין [illegible] קיין [illegible] קיין צוקער, קיין [illegible]

דער הונגער אין די שטעט וואקסט, אין [illegible] מיט [illegible] הונגער וואקסען די [illegible] און [illegible] אומצופרידענע, [illegible] מאסען זאמעלט זיך אן [illegible] און [illegible] צווישען ארבייטער [illegible], פארצווייפלונג און אפאטישקייט.

[illegible] שטייקען אין אויסשטאנדען אויס'ן באדען פון הונגער. צווישען די אייזענבאן-ארבייטער, וועלכע זענען [illegible] א גאנצע רייהע ארואכען ווייט אפגעשטאנען פון גאנצען פראלעטאריאט, [illegible] אין דער רויטער ארמיי, וועלכע שטאמט דאך הויפטזאכליך פון דארף [illegible] זיך אפ די [illegible] ניט [illegible]. אז דאס איז אנ'ערנסטער מאמענט, וועלכען מ'מוז [illegible] און איבערקומען דורך איממענשליכער אנשטרענגונג פון אלע קרעפטען.

די [illegible] כחות שלאפען ניט. אויס'ן באדען פון הונגער ווערט געפירט א קאנטר-רעוואלוציאנערע, שווארצמאה'דיגע פאגראם אגיטאציע. די שונאים פון ארבייטערקלאס און פון דער רעוואלוציע ווענדען אן אלע כחות [illegible], כדי אויסצוניצען די לאגע [illegible].

עס פאדערט זיך א גרויסע, אנ'ערנסטע, א באגייסטערטע ארבייט, כדי ארויספיהרען דאס לאנד פון דער שווערער צייט. אלע, וואס ווייסען, אז דער נצחון וועט קומען, אלע, וואס זעהען די פריידיגע, ליכטיגע סמנים פון'ם קומענדיגען זיג אויף דער גאנצער וועלט, אלע, וואס גלויבען און קאנען ניט אריינפאלען אין פארצווייפלונג, אלע דארפען פאראייניגען זייערע כחות פאר דער שווערער און פאראנטווארטליכער ארבייט פון דער איצטיגער צייט.

קודם כל ארבייט. מעהר ווי אלע מאל איז איצט נויטיג אנגעשטרענגטע טאג-טעגליכע ארבייט — אין ארגאניזירען די ארמיי, דערנעהרונג, דעם טראנספארט, די פראדוקציאן, די לאנדווירטשאפט, די סאציאלע הילף, דעם קאמף געגען עפידעמיעס. אומעטום דארף מען מענשען, געטרייע, באוואוסטזיניגע, שטארקע, איבערגעגעבענע און באגייסטערטע. קיין ארבייט איז ניט צו קליין, קיין ארבייט איז ניט צו שווער. מיר האבען ווייניג מענשען, ווייניג פאראנטווארטליכע טוער. יעדער באוואוסטזיניגער ארבייטער דארף זיך פרעגען, וואס קען ער טאן פאר דער קריטישער שעה, צי טוט ער אלץ וואס ער קען, צי ערפילט ער ווי געהעריג איז זיין פליכט אין דער ראטען אנשטאלט, אין דער פאבריק, אינ'ם פאראיין, אין קאאפעראטיוו. מ'מוז זיך אויפטרייסלען, נעהמען זיך אליין אויף א דין וחשבון, קאנטראלירען זיך אליין און בעדענקען, אז יעדע מינוט איז איצט טייער, אז אויב דער ארבייטערקלאס אליין וועט זיך ניט איינשטעלען פאר דער רעוואלוציע, וועט ער זי פארשפילען.

די רעכטע ארבייט, אנגעשטרענגטע, פיבערהאפטע, ענערגישע, וואס איהרע רעזולטאטען זאלען זיך באלד פיהלען אין דעם אדער יענעם געביט, און ארבייט אפענע אונטער'ן קאנטראל פון די ארבייטענדע מאסען, נישט באהאלטענע אין די קאנצעלאריעס, דאס איז דאס בעסטע מיטעל.

אבער מ'קאן ניט מאכען צו קליינגעלד אייך די באדייטונג פון דער אויפקלערונגס ארבייט. עס זענען דאך פאראן פגיעות, וואס ליגען אויסער אונזער ווילען. דער אנגריף פון דער קאנטר-רעוואלוציע, די נויטיגקייט צו פיהרען מלחמה, דער צושטאנד אין די שכנות'דיגע לענדער, די ירושה פון צאריזם און פון מלחמה דאס אלץ הענגט ווי א בלייענע משא אויף אונזער שאפונג. די ברייטע מאסען דארפען עס וויסען און פארשטעהן. אונערמידליכע ארבייט פון פראפאגאנדע און אגיטאציע צו וועלכער עס דארפען צוגעצויגען ווערען אלע, וועמען ס'איז נאר בכח, אויפקלערונגס ארבייט אין שטאט, אין דארף, אין דער ארמיי, לעבעדיגע ארבייט אין די פינסטערסטע, אפגעשטאנענסטע, פארווילדעסטע מאסען, — דאס איז א לעבענסבאדערפעניש פאר דעם קיום פון דער רעוואלוציע.

חי שווער ס'זאל נישט זיין די לאגע ווי גרויס דער הונגער, די אומצופרידענהייט, — מיר ווייסען דאך, אז די צוקונפט געהערט אונז, אז די סאציאלע רעוואלוציע וועט זיגען. אונזער גלויבען, אונזער באגייסטערונג דארפען מיר איבערגיסען אין די פארמאטערטע, אויסגעהונגערטע ארבייטערטע מאסען.

און ווען מיר גיבען זיך אפ דין וחשבון אין דעם, ווי גרויס און פאראנטווארטליך ס'זענען די אויפגאבען, וועלכע שטעהען פאר דער ראטענמאכט, קאנען מיר ערשט פארשטעהן ווי געזעהרליך ס'איז פאר דער רעוואלוציע דער נייער קורס פון פארפאלגונגען, וועלכען די אפיציעלע קרייזען נעמען אן בנוגע צו די רעכטע ס. ר. און די מענשעוויקעס.

דוקא איצט, ווען יעדער באוואוסטזיניגער ארבייטער איז טייער, ווי אן ארגאניזאטארישע קראפט, ווי א ברענגער פון אויפקלערונג און גלויבען אין זיין כביכול, דוקא איצט ווען די ערפאהרונג, די ארגאניזאציאנסגעווינהייט, דאס [illegible] באוואוסטזיין פון יעדען איינציגען פראלעטאריער, וועלכער האט הינטער זיך א שטיקעל רעוואלוציאנערע פארגאנגענהייט, מוז מאבילוזירט ווערען פאר די [illegible] שווערע, מוראדיג גרויסע אויפגאבע, דוקא איצט, ווען די באגייסטערונג און איינציגקייט פון גאנצען ארבייטערקלאס [illegible] בילדען די קראפט, וועלכע מ'קאן ענטגעגענשטעלען דעם הונגער, דער קעלט, די יסורים, דער אומצופרידענהייט, דער דעזארגאניזאציע, דוקא איצט ווערט מיט א נייעם כח פארגעזעצט [illegible] צווישען ארבייטער, דוקא איצט ווערט געפיהרט א העצע געגען פראלעטארישע פארטייען.

ס'קאן זיין, אז ערגיץ וואו זענען שווארץ-מאה'ניקעס ארויסגעטראטען מיט א פאלשען פאס פון מענשעוויקעס און ס. ר. זיי פארשטעלען זיך, ווען מ'דארף, אויך אין קאמוניסטען. ס'קאן זיין, ערגיץ וואו האבען זיך געצויגען חברים, וואס ווארפען זיך ניט אונטער די פארטייבאשלוסען, וואס שטעהען אין פארברעכערישער עקשנות אויף זייערע אלטע וועגען פון „רעכטען די [illegible]

[illegible] אין שטעלען זיך [illegible] אליין, [illegible] קלארע רעוואלוציאנער פון ר. ס. [illegible] א. ס. [illegible] פארטייען. מאכען [illegible] פאראנט[illegible] [illegible] די [illegible] [illegible] מעשים.

[illegible]

[illegible] די [illegible] פון דער ר. ס. ד. א. פ.

[illegible] דער [illegible] [illegible] פארפאלגען די אפּאָ[illegible] [illegible] דער [illegible] [illegible] דאס [illegible] נייע פאר[illegible] [illegible] איהר [illegible] אליין [illegible] ארבייטען [illegible]

אין דער [illegible] שעה האט [illegible] מאכט [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] דער [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] אין דער קריטישער שעה, און די באוואוסטזיניגע ארבייטער דארפען איהר דאס זאגען.

* * *

די עלפטע קאנפערענץ פון בונד.

(אויענדזיצונג דעם 22 טען מארץ).

ביי דער אפשטימונג פון דער פאליטישער רעזאלוציע האט דער ח' ליטוואק געמאכט אין נאמען פון רעכטען צענטער א מעלדונג, אז זיי שטימען געגען צוליב דעם פרינציפיעלען טייל פון דער רעזאלוציע, ווייל זיי זענען אנהענגער פון דער דעמאקראטיע. אבער מיט'ן פראקטישען טייל פון דער רעזאלוציע זענען זיי מסכים, און לאזענדיג זיך דאס רעכט צו אגיטירען פאר זייערע איבערצייגונגען אין דער פארטיי וועלען זיי אין דער פראקטישער ארבייט געהן צוזאמען מיט דער גאנצער פארטיי.

א גרופע לינקע טראגען אריין פאלגענדע מעלדונג:

האלטענדיג, אז דער לעצטער פונקט (וועגען דער פאראנטווארטליכקייט), האט שטארק פארערגערט די גאנצע רעזאלוציע, אז מיר נעהמען אן מ'זען נעהמען די פאראנטווארטליכקייט פאר די אלגעמיינע גרונד-ליניען פון דער פאליטיק פון דער ראטען-מאכט, האלטען מיר, אז דער ווירקליכער גאנג פון דער רעוואלוציע וועט נאך ווייטער שטויסען דעם בונד אויף דעם רעוואלוציאנערען וועג, וועלכען ער האט באטראטען דורך דעם, וואס ער האט אנגענומען די היינטיגע רעזאלוציע, וועלכע ענטשפרעכט דער ווירקליכער שטימונג פון דעם גרעסטען טייל רעוואלוציאנערען אידישען פראלעטאריאט (אונטערשריפטען: נאכימסאן, מינדעל, נאוויקאוו, קאצענבאגין, בעזוראנסקי, לעווין, קראסינסקי)

נאך דער הפסקה געהט מען איבער צו דער רעזאלוציע וועגען אינטערנאציאנאל. אויסבעסערונגען ווערען אריינגעטראגען פון לינקען פליגעל — ביי דערשלאגען זיך א מעהר ענטשלאסענע צוזאמענגעהן מיט'ן קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל, און פון רעכטען צענטער כדי באטאנען אנ'ענגערע פארבינדונג מיט דער בערנער פאראייניגונג.

[illegible]קאווסקי'ס פארשלאג, אז דער בונד דארף זיך באטייליגען אין אזעלכע פאראטונגען ווי די בערנער, ווערט פון אנפאנג אנגענומען. ח' אסתר טראגט אריין אן אויסבעסערונג צו דעם אנגענומענעם פארשלאג — מיר שטרעבען, אז אין די אינטערנאציאנאלע קאנגרעסען און קאנפערענצען, וואס וועלען פארקומען נאך דער בערנער בעראטונג, זאלען זיך באטייליגען אלע פארטייען פון רוסלענדער רעוואלוציאנערען פראלעטאריאט, כדי צוזאמען צו פיהרען א קאמף פאר די [illegible] פרינציפען. די אויסבעסערונג ווערט אנגענומען, און דערנאך, אז דער גאנצער פונקט ווערט אפגעשטימט, געפינט זיך שוין א געווענדע מערהייט אויף פארווארפען איהם אין גאנצען.

ס'ווערט אנגענומען דעם ח. נאכימסאן'ס אויסבעסערונג, אז מיט דער בערנער קאנפערענץ דארפען מיר אריין אין קאנטאקט כדי צו פארבינדען זיך מיט דעם רעוואלוציאנערען טייל פון דער סאציאל-דעמאקראטיע.

אפגעווארפען ווערט ח' סוויצקי'ס אויסבעסערונג:

„די קאנפערענץ זאגט זיך ארויס פאר פארבינדען זיך מיט די רעוואלוציאנערע טיילען פון דער בערנער קאנפערענץ, כדי צוזאמען מיט זיי ארויסצוטרעטען געגען דעם אנטייל אין דער בערנער סאציאליסטישער פאראייניגונג פון יענע עלעמענטען, וועלכע האבען נאך ע היום ניט צוריסען מיט דער פאליטיק פון בורגפרידען און קאאליציע מיט דער בורזשואזיע, און צו שטרעבען צוצוציהען צו דיזער פאראייניגונג אויך די עלעמענטען, וועלכע האבען זיך אנגעשלאסען אן דעם אזוי אנגערופענעם 3-טען קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל“.

ח' לעווין טראגט אריין א פארשלאג ארויסצווארפען דעם פראגנאז וועגען די רעוואלוציאנערע טראדיציעס פון 2 [illegible] טערנאציאנאל, דאס ווערט אפגעווארפען.

די רעזאלוציע בלייבט כמעט אין גאנצען אזוי, ווי זי איז ארויס פון דער קאמיסיע ([illegible] טעקסט איז אפגעדרוקט אין „וועקער“ פון 24 טען מארץ)

ח' לעווין מעלדעט אין נאמען פון דער לינקער גרופע, אז זי וועט זיך אפהאלטען פון שטימען פאר דער רעזאלוציע, די [illegible] אינטערנאציאנאל איז [illegible] מיט דער פראגע וועגען פאליטישען מאמענט. איבער אונזערע אויסבעסערונגען, וועלכע האבען געצילט בולטער צו באצייכענען די באציהונג צום קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל, איז מען אריבערגעגאנגען צום טאגעסארדנונג. מיר האבען געווארנט, שטימען געגען דער רעזאלוציע. נאר אזוי ווי איניגע פונקטען אירע באפרידיגען אונז, האלטען מיר זיך אפ.

א ר א נ ס א ן (אין נאמען פון די רעכטע), מיר, די רעכטע גרופע, בלייבען אויף דער פרינציפיעלער פאזיציע, וועלכע האט זיך געצייגט א פרינציפיעלען אויסדריק אין אונזער רעזאלוציע וועלכע האט געשטרעבט צו פאראייניגען אין דער פראגע וועגען אינטערנאציאנאל אלע ס. ד. עלעמענטען פון בונד. מיר קאנען פרינציפיעל ניט אננעמען ניט די פאזיציע פון די לינקע, ניט די פאזיציע פון דעם רעכטען צענטער. מיר האלטען פאר נויטיג, דער אינטערנאציאנאל זאל זיך בויען אויס'ן יסוד פון פאראייניגונג, און ניט צושפאלטונג פון די פראלעטארישע מאסען. מיר האלטען פאר נויטיג א שארפע אפגרענצונג פון דער סעקטאנטישער אינטערנאציאנאל, וועלכע פרובירט מיט זיך דעם אינטערנאציאנאל בו שאפען אין מאסקווע. די פאזיציע וועלכע איז פארגענומען געווארען [illegible] קאנפערענץ, איז פון אונזער שטאנדפונקט א צווייטיגע. מיר האלטען די [illegible] וואס ליגט אין גרונד פון דער רעזאלוציע, פאר א [illegible] און פרינציפיעלע, אין אויך ווייל די דאזיגע אידעע וועט פאקטיש פארווירקליכט ווערען, וועט זי נעהמען [illegible] אין באטראכט די אנגענומענע פאליטישע רעזאלוציע, וועלכע געהט אין דער ריכטונג פון קאמוניזם און אפזאג פון סאציאל-דעמאקראטיע - אומזארמיידליך אויסדריקען פאראייניגונג מיט דעם 3-טען אינטערנאציאנאל געגען בערן. מיר רופען דעם פראלעטאריאט צוזאמען מיט דער ר. ס. ד. א. פ. אקטיוו צו אונטערשטיצען אלע שריט פון דער בערנער קאנפערענץ אויף ווייטער אויסשטעלען דעם אינטערנאציאנאל.

וו י י נ ש ט י י ן (לינקער צענטער) דער לינקער צענטער וועט שטימען פאר דער רעזאלוציע.

ס ו ו ע ט י צ ק י (רעכטער צענטער) דער צענטער האט געגעבען פרייהייט זיינע מיטגלידער צו שטימען, ווי זיי ווילען.

די רעזאלוציע ווערט אנגענומען מיט 27 שטימען ביי 19 אפגעהאלטענע.

עס ווערט באשטימט צו מאכען א נאכט-זיצונג. עס ווערט ערקלערט א הפסקה פאר דער ארבייט פון די קאמיסיעס.

נאכט-זיצונג דעם 23 מארץ

וועגען די אידישע פראגען ווערט אנגענומען פאלגענדער באשלוס:

קאנסטאטירענדיג די קאטאסטראפאלע לאגע פון דער אידישע קולטור-ארבייט, איבערגעבען בייערע רעפעראטען און די רעזאלוציע פון דער מאסקוועער בעראטונג אלס מאטעריאל דעם צענטראל קאמיטעט און באאווטראגען איהם אויסארבייטען א קאנקרעטען פלאן פון ארבייט אין דעם געביט.

פון די ארגאניזאציאנס-פראגען ווערט צוערשט באטראכט די פראגע וועגען דער ר. ס. ד. א. פ. ביין לינקען פליגעל איז אנפאנגס געווען א פלאן פארצושלאגען, דער בונד זאל ארויסטרעטען פון דער ר. ס. ד. א. פ. אין דער ארגאניזאציאנס קאמיסיע איז מען דורכגעקומען אויף דעם פארשלאג צו פאדערן א צוזאמענפאהר פון דער ר. ס. ד. א. פ. די רעזאלוציע ווערט אנגענומען מיט אלע שטימען געגען איין אפגעהאלטענעם. די רעזאלוציע איז אפגעדרוקט אין „וועקער“ פון 24-טען מארץ.

חבר [illegible]מקאווסקי מעלדעט, אז די פראגע וועגן פארטייצוזאמענפאהר שטעהט [illegible] אויפ'ן טאגעסארדנונג פון צ. ק.

[illegible] איבער צו דער פראגע וועגען צושפאלטונג אין אוקראינע. ח. יודין לעגט פאר ארויסצווארפען די דערמאהנונג, אז די אנגענומענע פאליטישע פלאטפארם [illegible] מעגליכקייטען פאר דער ארבייט אין אוקראינע.

[illegible] טראגט ארויס געגען דעם פאר[illegible] וועלכער ווערט אראפגענומען.

יעקב לעווין טראגט אריין אלס אויסבעסערונג דעם פונקט, וועלכער איז אפגעווארפען געווארען [illegible] ארגאניזאציאנס קאמיסיע: „די קאנפערענץ קאנסטא[illegible], אז די גרינפרינציפען פון אונזער פלאטפארם געפינען א באזונדער אונטערשטיצונג אין דער פאליטישער ערפאהרונג אויף אוקראינע, וואו אלע פרואווען צו באשאפען אנדערע פארמען פון דעמאקראטישער מאכט אויסער דער ראטען-מאכט האבען באנקראטירט און אז אונזער פלאטפארמע, איינהאלטענדיג די זעלבסשטענדיגע פאזיציע פון אונזער פארטיי, קענט פאר אונזערע אוקראינער ארגאניזאציעס ברייטע פערספעקטיווען פון רעוואלוציאנערען קאמף אין סאציאליסטישער שאפונג האנד ביי האנד מיט די ארבייטער פון אנדערע נאציאנען.

די אויסבעסערונג ווערט אפגעווארפען.

די רעזאלוציע ווערט אנגענומען מיט א גרויסער מערהייט (געדרוקט אין „וועקער“ פון 24-טען מארץ) עס ווערט איינשטימיג אנגענומען א פראטעסט רעזאלוציע וועגען די נייע רדיפות געגען דער ר. ס. ד. א. פ. („וועקער“ 26 מארץ).

עס ווערט ערקלערט א געשלאסענע זיצונג אויף באהאנדלען די פראגע וועגען צ. ק.

7 אזייגער אין דער פריה ווערט די זיצונג ווייטער געעפענט.

עס ווערט פארעפענטליכט א צעטעל פאר'ן צ. ק. ער ווערט אנגענומען איינשטימיג; עס ווערען אויסגעקליבען 1) יודין, 2) ליטוואק, 3) סוועטיצקי, 4) אבראמאוויטש, 5) אסתר, 6) וויינשטיין, 7) העניע גארעליק, 8) נאכימסאן, 9) יענקל לעווין, 10) אלטער רומאנאוו.

אלס קאנדידאטען ווערען אויסגעקליבען 1) וויקטאר אלטער, 2) טשעמערינסקי 3) זאלאטאריאוו [illegible] נאוויקאוו, 5) פוטס, 6) קליים, 7) [illegible] 8) מערעס, 9) [illegible] 10) [illegible] ערליך.

עס ווערט באשלאסען אפצושאפען דעם [illegible]קאמיטעט פאר ווייסרוסלאנד. די פראגע וועגען געגענד-קאמיטעט פאר ליטע ווערט איבערגעגעבען דעם צ. ק. ווי אויך די פראגען וועגען פרעסע און וועגען א דעלעגאט צו דער בערנער דעלעגאציע.

דער פארזיצער לעגט פאר צו דאנקען די אלע חברים, וואס האבען געארבייט אויף ארגאניזירען די קאנפערענץ און באדינען די דעלעגאטען מיט אלעם נויטיגען.

עס ווערט באשלאסען, די קאנפערענץ זאל הייסען: די „עלפטע קאנפערענץ פון בונד.

ח. אסתר האלט א קורצען שלוסווארט. מיר האבען געהערט, אז דער דעקרעט וועגען אפשטעלען די אייזענבאנאיבערגאנג וועט צוזערען די קאנפערענץ. אבער דעלעגאטען זענען געקומען פון אומעטום. די קאנפערענץ איז אין פולען זינען געלונגען. זי איז אנ'אמת אויטאריטעטע פארטרעטונג פון בונד. די קאנפערענץ האט ארויסגעוויזן א גרויסע צייטיגקייט. [illegible] ניט געווען דער רעגען פערזענליכע [illegible]ונגען, וואס שיט זיך שטענדיג אויף צוזאמענפאהרען און קאנפערענצען. די מיינונגען זענען [illegible] ארגאניזירט. צוערשט זענען [illegible] ארויסגעטראטען פראקציעס. אבער אין [illegible] זיי אנ'אנדער כאראקטער. מ'איז צומאל שארף אויסגעטראטען איינע געגען די אנדערע, אבער מיר בלייבען איינינג. אונזערע שונאים האבען זיך געריכט אויף א צושפאלטונג אין בונד. די ערווארטונגען זענען ניט מקוים געווארען. מ'האט זיך געריכט אויף אפשפאלטונג פון דער לינקער זייט. אונזערע לינקע האבען ארויסגעוויזען, אז די איינהייט און גאנצקייט פון בונד איז זיי הייליג און טייער. זיי האבען אלץ געטון, כדי איינצוהיטען די איינהייט פון בונד. און מיר גלויבען טיף, אז מיט די אנגענומענע רעזאלוציעס וועלען מיר זי ווירקליך איינהיטען, אז דער בונד וועט בלייבען דער רומפולער פיהרער פון רעוואלוציאנערען אידישען פראלעטאריאט. די רעדנערין ווענדעט זיך צו די רעכטע חברים. זי דריקט אויס איהר איבערצייגונג, אז זיי וועלען ארבייטען אויפ'ן באדען פון די אנגענומענע רעזאלוציעס. זיי גלויבען, אז מיר [illegible] אומגערעכט, אז ווען [illegible] איז [illegible] זיי זיגען

[illegible]

אלע שטעהען אויף און זינגען די שבועה. עס איז שוין גרויסער טאָג.

דאַלב גיין אין דער פריה ווערט די [illegible] קאָנפערענץ פון בונד געשלאָסען.

אין רוסלאַנד

[illegible]

ראַנדביעטע אין סאַסנאַוויץ אין [illegible] [illegible]

(ראסטא)

אין פינלאַנד.

ווימבאָרג, [illegible] אפּריל. לויט דער [illegible] פון די אַרבייטער פון א סך זאַוואָ-דען האָט מען זאָר דער לעצטער צייט [illegible]

(ראסטא)

פראָטעסט צווישען די אוקראַינער און פאָליאַקן.

זשמערינקע, 2 אפּרעל. אין גאַליציען [illegible] פאַר שטאַרקע שלאַכטען צווישען די אוקראַינער און פאָליאַקן. די [illegible] ווערען דערשאָסען. אין [illegible] און ניט עטלאַגען [illegible]

(ראסטא)

ביי די פראָנטע.

[illegible] אפּריל.

[illegible]

[illegible] האָבען מיר אינ-ערן דרוק פון [illegible] די סטאַנציע [illegible] אונזערע טיילען האָבען [illegible] יאַסינאַוואַטסקאַיע, [illegible] מזרח'דיגער פון דער סט. [illegible] 17 ווערסט [illegible] פון וואָלקאָנאָוואַכאַ. [illegible] 2 קאַוואַלע-ריע און 1 פוסגעהער פּאָלק.

מזרח-פראָנט. סטערליטאַמאַקסקער ראַיאָן, [illegible] ריכטונג: אונ-זערע טיילען געהען אָפּ [illegible] צו 4 ווערסט מזרח'דיגער פון [illegible] ראַיאָן, סטערלי-טאַמאַקסקער ריכטונג; מזרח'דיגער פון [illegible] אונזערע טיילען קעמפען [illegible] מערב'דיגער פון בעלעבייער [illegible] האָבען מיר פאַרנומען [illegible] 10 ווערסט דרום-מערב'דיגער פון דער אָרטער לעלעקיו. בו-גולמינסקער ריכטונג: דרום'דיגער פון או-פימער טראַקט האָבען אונזערע טיילען פאַרנומען קאַראַשייעוואָ און זאַאיטקאָוואָ, 7 ווערסט מזרח'דיגער פון טייך אַלק. מענ-זעלינסקער ראַיאָן: אָהן ענדערונגען. סאַ-ראַפּולער ראַיאָן. קראַסנאָאופימער ריכטונג: אָהן ענדערונגען. אָסינסקער ראַיאָן: דעם שונא'ס אַטאַקעס אויף קרייקאָווא, 30 ווערסט דרום-מערב'דיגער פון אָסע אויפ'ן טייך קאַמאַ, האָבען מיר מיט ערפאָלג אָפּ-געשלאָגען. אין אויבערשטען לויף פון טייך [illegible] האָט דער שונא עטוואָס צוריק-געשטופּט אונזערע טיילען. אָראַנסקער ראַ-יאָן: אָרטיגע קאַמפען מיט פאַרשיידענעם ערפאָלג. פּערמער ראַיאָן: פון דער זייט פון גאָרדינסקאָיע האָט זיך דעם שונא איינגע-געבען אַריינצודרינגען ביז'ן ישוב קאַרל-סאַוויטסקאַיע, 15 ווערסט צפון'דיגער פון זדאַוואַ האָבען מיר אָפּגעשלאָגען די פיינדליכע אַטאַקעס מערב'דיגער פון גאָר-דינסקאָיע.

(ראסטא)

פון אוקראַינישען פראָנט.

זשמערינקע, 2 אפּרעל. די רומענישע [illegible] מאַכט האָט אַרויסגעגעבען א באַפעל, וואָס

אין פוילען.

וואַרשע, 24 [illegible] מאַרט. פאָליציע [illegible] אין [illegible] אַסיסטענטס צו פאָלגען דער [illegible] וועלכע איז

באַרבאָט די אָפּטרעטענדיגע פּעטליוראַווצעס אַריבערצוגעהן אויף דער טעריטאָריע פון בעסאַראַביען. צוליב דעם געפינען זיך די פּעט-ליורישע אָפּטיילונגען אין ראַיאָן פון בּיר-זולע אין א אויסערגעוועהנליך שלעכטער לאַגע.

(ראסטא)

טשערניגאָוו, 2 אפּרעל. אין ראַיאָן פון קאָראָסטען געפינען זיך עטליכע פּאָלקען פּעטליוראַווצעס, וואָס האָבען זיך אָפּגעזאָגט צו פאָלגען די באַפעלן פון זייערע על-טסטע. די מערהייט פון די פּאָלקען איז פאַר איבערגעהן אויף דער זייט פון דער רויטער אַרמיי און האָבען פּעטליורעס אַגענטען צו אַנטוואָפענען זיי.

אויפ'ן דרום מערב'דיגען פראָנט שטופּט אונזער מיליטער אַרויס די פּעטליוראַווצעס פון וואָלין.

(ראסטא)

די ענגלענדער אויפ'ן מורמאַן.

העלסינגפאָרס, [illegible] אפּריל. אויפ'ן מור-מאַן האָבען די ענגלישע סאָלדאַטען מאָ-ביליזירט די גאַנצע מענליכע באַפעלקערונג. די מאָביליזירטע [illegible] האָט מען אָפּגעשיקט אין אַרכאַנגעלסקער פראָנט אויף דער סטאַנציע מוסטאַיקאַ [illegible] זיי זיך [illegible] אַרויס-צופאָרען געגען די ראַטען-אַרמיי. א סך פון זיי האָט מען צעשאָסען.

(ראסטא)

איבער'ן לאַנד.

א אויסער-געוויינליכע זיצונג פון מאָסקווער-ראַט.

מאָסקווע, 3 אפּרעל. היינט איז פאַר-געקומען א אויסער-געוויינליכע זיצונג פון מאָסקווער ראַט, מיט פאַרשטעהער פון די ראַיאָנען, [illegible] פאַבריק-קאָמיטעטען אין [illegible] מיט א [illegible] איבער דער אויסערליכער און אינערליכער [illegible] איז אַרויסגעטראָטען לענין, וועלכער האָט ערקלערט, אז ניט קוקענדיג אויף [illegible] שווערער לאַגע [illegible] אימפּעריאַליסטען [illegible] די [illegible] און [illegible] אז מיר [illegible] קומען [illegible] זיג [illegible] פון זיי [illegible] א אַלגעמיינע [illegible] צו [illegible] ריזען צו [illegible]

[illegible] א פאַרטראַג [illegible] א [illegible] קאָמיסאַר [illegible] מיט פאַרשטעהער [illegible] ער האָט אָנגע-[illegible] אז אין [illegible] פון דעם [illegible] איז אָפּגעשטעלט [illegible] די [illegible] באַוועגונג האָט זיך [illegible] צאַהל אַנגעקומענע [illegible] באַשלאָסען [illegible]

[illegible] דער [illegible]

אין דער ערקלערונג [illegible] עס איז [illegible] געפינען [illegible] פון דער פאַרזאַמלונג [illegible] די [illegible] און די [illegible] געוואָרען, [illegible] אז [illegible] נען [illegible] זייערע אַרבייטער, געהט די אַרבייט און [illegible] מיט'ן [illegible]

די פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען א רע-זאָלוציע: „די פאַרזאַמלונג רופט אַלע אַר-בייטער-אָרגאַניזאַציעס פון פּראָלעטאַריער און אַרבייטענדע פּויערים אָנצושטרענגען אַלע קרעפטען אויף צו געבען א ווידער-שטאַנד די פיינד פון דער ראַטען-מאַכט, אויף פאַרטיידיגען איר, ווי אויך צו פאַר-בעסערען די ערנעהרונגס-לאַגע און דעם טראַנספּאָרט. די פאַרזאַמלונג האַלט פאַר נויטיג: צוציהען די וויכטיגער קאָמפּעטענטע פּויערים אויפ'ן אָרט פון די אויסגעמאַטערטע באַוואוסטזיניגע פּראָלע-טאַריער, פאַרשטאַרקען דאָס שיקען די באַ-וואוסטזיניגע, ווי אויך מאַסאָווער אַרבייטער אויף דער אַרבייט פאַר ערנעהרונג און טראַנספּאָרט, שיקען וואָס מעהר קרעפטען פון די הונגערענדע שטעט אויף לאַנד-ווירטשאַפטליכע אַרבייט אין די דערפער און אין די שטעט פון אוקראַינע, כדי צו פאַרשטאַרקען די פּראָדוקציע פון ברויט און אַנדערע ווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען. אָנשטרענגען אַלע כחות צו העלפען דעם מיטעלען פּויער און ניט צו דערלאָזען די גוואַלד-טאַטען, פון וועלכע ער ליידט. די ראַטען-טוער, וועלכע האָבען ניט פאַרשטאַ-נען די איינציג ריכטיגע פּאָליטיק, אָדער קענען איהר ניט דורכפירען אין לעבען, דאַרפען גלייך אָפּגעזאָגט ווערען פון זיי-ערע פּאָסטענס. אויפ'ן טאָג-אָרדנונג שטעהט איצט—דער קאַמף מיט דער מידקייט און וואַקלעניש. די פאַרזאַמלונג ערקלערט: אז דער אַרבייטער-קלאַס שטעהט ווי פריהער אויפ'ן פּאָסטען, אז ער גלויבט, אז ער וועט איבערגעהן איבער אַלע שוועריקייטען, אז ער וועט פאַרזיכערען דעם זיג פון דער סאָציאַליסטישער ראַטען-רעפּובליק אין רוסלאַנד און אין דער גאַנצער וועלט.

(ראסטא)

באַפרייטע פּוילישע משכּנות.

פּעטערבורג, 3 אפּרעל. אין רעזולטאַט פון די אונטערהאַנדלונגען פון פאָלקס קאָמיסאַר פאַר אויסערליכע ענינים מיט'ן פאַרשטעהער פון דער פּוילישער רעגירונג וועגען דעם [illegible] מאַרט באַפרייט געוואָרען פון אַרעסט די [illegible] פאַרשטעהער פון פּוילישער רעגירונג [illegible] פאַרהאַלטען געוואָרען אַלס משכּנות נאָכדעם, ווי אין פּוילען זענען גע-הרג'עט געוואָרען די מיטגלידער פון רויטען קרייץ.

(ראסטא)

א צוזאַמענפאָר פון ראַטען זשורנאַליסטען.

מאָסקווע, 3 אפּרעל. דער ספּעלקאָם פון אַלרוסישער פאַרבאַנד פון די ראַטען-זשורנאַליסטען האָט באַשטימט צונויפצורופען אויפ'ן 24 טען אפּרעל דעם 2-טען אַלרוסישען צוזאַמענפאָר פון ראַטען זשורנאַליסטען. די נאָרמע פון פאַרשטעהערשאַפט איז: פון פּראָווינצען ביז 2 מיטגלידער 1 דעלעגאַט, פון 20 ביז 40—2, איבער 40 3 דעלעגאַטען.

(ראסטא)

א [illegible] פון די [illegible] ס. ד. אָר-גאַניזאַציעס צו „ראַטען“.

בערלין, 8 מאַרט. די סאָציאַל-דעמאָ-קראַטישע אָרגאַניזאַציעס פון לאַטוויען פון פאַרשידענע ריכטונגען האָבען זיך מיט א טע-לעגראַפישער ווענדונג צו האַאָזען פּראָטע-סטירט געגען די מעשים פון מיליטער פון דער דייטשער מלוכה אין זייער לאַנד און פאָדערן, אז לאַטוויען זאָל גלייך אָפּגערייניגט ווערען פון זייערע [illegible]

(ראסטא)

קינדער-בלומען.

דער פרילינג איז שוין דאָ. ניט קוקנ-דיג [illegible] די לעצטע פּאַס-טעגען פון די [illegible] פינסטערע כחות, אויף די [illegible] די פייגעלעך, ווייסען מיר און מיר זיינען זיכער, אז דער פרילינג קומט. די [illegible] צייט פון יאָר איז שוין נאָהענט. ער קומט מיט זיין גאַנצען פּראַכט און גלאַנץ, ער קומט מיט זיינע פאַרגעניגענס און באַקוועמליכקייטען.

נאָר פאַר וועמען ברענגט דער פרי-לינג זיינע פאַרגעניגענס און זיינע גרויסע אוצרות [illegible] פאַר דער שטאָט באַפעלקערונג ניט זעהר פיל. די מעהר רייכערע באַפעלקערונג [illegible] פון שטאָט און אַנ-לויפען וועהר אין א באָד, וועהר אין א דאָרף, א וואַלד אויף א דאַטשע. אפילו ניט אין דער שטויביגער שטאָט. פאַר דעם [illegible] אידען געוויס ניט. ער [illegible] ניט, ווי די קריסטליכע באַפעלקערונג, וועגען א גאָר-טען, א [illegible], א בוימעלע, א בלימעלע. פון די פּראָלעטאַרישע מאַסען איז שוין גאָר אָפּגערעדט. די לעצטע וואוינען גע-וועהנליך ביי די ערגסטע באַדינגונגען און אין די ערגסטע שמוציגסטע שטאָט-טיילען, און אזוי אַרום איז אויך דאָס פּראָלעטאַרי-שע קינד איינגאַנצען אָפּגעריסען פון דער נאַטור. דאָס פּראָלעטאַרישע קינד זעהט פאַר זיך מעהר ניט קויט ווי קויט און מיסט, בלאָטע און שמוץ, און ערגעץ וואו ניט, וואו דערנעבען, קראָפּיווע און קוקט זיך פון דערווייטען, דורך א פּאַרקאַן און א צוים, אויף א פאַרמאַכטען גאָרטען, אויף א בליהענדע מאַקאָווקע, אָדער א געלע גרויסע [illegible], קוקט אויף דעם מיט א בענקעניש און נייגעריגקייט, נאָר צוקומען צו דעם קען ער ניט.

צו דאַרף עס אַזוי אויך ווייטער בלייבען? געוויס און געוויס ניט. קיין אַנדער ענטפער אויף דעם קען ניט זיין. די ערש-טע פּראָלעטאַרישע קינדער מוזען צוגעצוי-גען ווערען צו פאַרברענגען די זומער צייט געוויסע שטונדען אין טאָג מיט באַאַרבייטען לייכטע גאָרטענאַרבייט און איבערהויפּט און מעהר פון אַלץ מיט קולטיווירען הויז-ליכע און גאָרטענבלומען.

ביי מיין שול זיינען שטענדיג אַזעלכע בלומען-גערטנער געווען, וואָס די שילער און שילערינס פלעגען עס אַליין באַאַרביי-טען. און די רעזולטאַטען זיינען געווען גלענצענדע. דאָס פאַראינטערעסירט זעהר די קינדער, דערנעהענטערט זיי צו דער נאַטור מיט אירע אונגעהייערע קאָסטבאַרע אוצרות און דער [illegible] אונז אויף [illegible] און [illegible] ווי ווייט ווייזט אין אַלע הינזיכ-טען, אז אַזאַ באַשעפטיגונג אין דער קינ-דער-ערציהונג.

און די צייט איז קורץ, מען מוז זיך צו דעם שוין אין א מנוחה נעמען.

צו דעם צוועק דאַרף מען האָבען אייניגע [illegible] (כפּעקען), און דאָרטען [illegible] די קינדער די ערשטע שפּראָצונגען פון די צאָהל רייכע מינים. נאָכדעם קען מען אויסקלייבען ערטער נעבען הייזער אין גערטנער און [illegible] גלייכען און זיי אָנהויבען לערנען און ווייזען: וועלכע מען דאַרף זעצען, פלאַנצען, און וועלכע מען דאַרף זייהען. וועלכע פריהער און וועלכע שפּעטער. וועלכע דאַרפען אַסרוקע-נעס, וועלכע א זאַמענדיגען און וועלכע א פייכטען באָדען. וועלכע און וויפיל מען דאַרף מיסט, וועלכע [illegible] און וועלכע שאָטען. וועלכע און וויפיל מען דאַרף באַגיסען און באַשפּריצען. און זייך וועלכע בליהען פריהלינג, וועלכע זומער-צייט און וועלכע אין האַרבסט. וועלכע גיבען אַרויס א ריח און וועלכע ניט, נאָר שעהנע קווייטען און בלומען. אויך לערנען און ערקלערען די פאַרשיידענע-אַרטיגע פאַרבען און קאָלירען. אויך וועגען הויז בלומען: ווי צו זעצען זיי. און אַרומגעהן אַרום זיי.

יעדע שאַפונג ברענגט און פאַרשאַפט פאַרגעניגען, און אז מען אַרבייט און שאַפט צוזאַמען מיט דער נאַטור, דאָ קען שוין גאָר קיינע העכערע און ערהאַבענערע ניט זיין.

מיט איין וואָרט, עס איז כדאי, אז די אַלע וואָס אינטערעסירען זיך מיט קינדער-ערציהונג זאָלען באַצייטענס לעגען א באַ-זונדערע אויפמערקזאַמקייט אויף מיין פאָרשלאַג און זיך נעמען עס צו פאַרווירק-ליכען.

ליפּסקי.

פון דער רעדאַקציע. די פראַגע וועגען גערטנערייט פאַר קינדער איז די לעצטע צייט באַהאַנדעלט געוואָרען אין דער קאָלעגיע פאַר פאָלקס-בילדונג און גאָר אין גיכען וועט מען צוטרעטען צו אָרגאַניזירען אַזעלכע קינדער-גערטנער פאַר אַלע מינסקער שול-קינדער.

מינסקער לעבען

— וועגען אוניווערסיטעט. אויף דער זיצונג פון דער אוניווערסיטעט-קאָמיסיע דעם 8-טען מאַרט איז באַשלאָסען געוואָרען צושיקען דעם פּראָפעסאָר קאַרסקי און סעקרעטאַר דוכאַן אַלס דעלעגאַציע צו דער צענטראַלער רעגירונג אין די אינ-טערעסען פונ'ם אוניווערסיטעט. דער בודזשעט פונ'ם אוניווערסיטעט וועט באַטרעפען אַרום 63 מיליאָן רובל.

וועגען דעם אָרט פונ'ם אוניווערסיטעט איז אָנגעוויזען געוואָרען, אז מען דאַרף נעמען 30 דעסיאַטין ערד אינ'ם געגענד פון קאָמאַראָווקער וואַלד. דאָרט וועלען קענען איינגעאָרדנט ווערען אַלע נויטיגע בנינים פאַר די פאַרשיידענע פאַקולטעטען פונ'ם אוניווערסיטעט.

— ערנערונגס-קאַרטען. אין די קאַרטען-ביוראָ'ן קומט פאָר א פיבער-האַפטע אַרבייט און מען ערוואַרטעט, אז אין 2 וואָכען אַרום זאָלען שוין די קאַרטען צעטיילט ווערען די באַפעלקערונג.

אויף קעראָסין וועלען זיין צוויי-ערליי קאַרטען: ווייסע קאַרטען אויף צו באַקומען קעראָסין צום באַלייכטען און בלויע אויף צו ניצען אין די קאָך-מאַשינקעס. קליינע קינדער וועלען באַקומען ספּעציעלע קעראָ-סין-קאַרטען, אז מען זאָל האָבען וואו קאָכען דאָס עסען.

— אויסמיידען די אָטשערע-דען. דעם 4-טען מאַרט איז אין נאַרקאָמ-פּראָד פאָרגעקומען א באַראַטונג מיט'ן אָנ-טייל פון פאַרשטעהער פון די קאָאָפּעראַטי-ווען, וועגען פונאַנדערטיילען די פּראָדוקטען, אז ס'זאָלען ווי ווייט מעגליך אויס-געמיטען ווערען די שרעקליכע אָטשע-רעדען.

ס'איז באַשטימט געוואָרען, אז ווען די ערנערונגס קאַרטען וועלען פונאַנדערגע-טיילט ווערען, וועט זיך יעדערער דאַרפען צושרייבען צו א באַשטימטער קראָם און נור אין דער קראָם וועט ער קענען באַקומען פּראָדוקטען. צו יעדער קראָם וועלען קענען זיין צוגעשריבען אַרום 250 פּערזאָן.

דערביי וועלען זיין 22 אַרבייטער-קאָאָ-פּעראַטיווע קראָמען, 3 בירגערליכע און 3 שטאָטישע.

— וואָרשט און קעז. דער ראַט פון די אַרבייטער-קאָאָפּעראַטיוון האָט באַשלאָסען אַרויסצוגעבען וואָרשט מיט פעטס. דאָס וועט קאָסטען אַרום 20 רובל א פונט, ס'איז מעגליך. דער ראַט [illegible] באַצאָלען [illegible] 10 פונט גוטע וואָרשט. דער ראַט ערוואַרטעט אויך צו באַקומען האָלענדער קעז צו [illegible] 25 רובל א פונט.

— געלד-ספּעקולאַציע. דער קריגס-קאָמיסאַר האָט אַרויסגעגעבען א באַ-פעל, אין וועלכען ס'ווערט פאָראָרדנט צו רעקווירירען אַלע געלד צייכענס, סיי קערענ-קעס סיי צאַרסקע, אויף א גלייכען קורס. די, וואָס וועלען נעמען נור צאַרסקע געלד, אָדער וועלען רעכענען טייערער פאַר די סחורה, ווען מען וועט צאָהלען מיט קערענקעס, אָדער וועלען ניט נעמען אומזיסט קיין [illegible], וועלען באַשולדיגט ווערען אין געלד-ספּעקולאַציע און וועלען שטרענג באַשטראָפט ווערען.

— ראַטען-אינספּעקציע. דער ערשטער טייל אַרבייט, וואָס די אינספּעקציע האָט אונטערגענומען, איז שוין פאַרענדיגט. אין די [illegible] האָט צו דעם צוועק געבילדעט [illegible] פון [illegible]-געלאָזען.

— ביי אַרבייטער היינט 6 אַזייגער אָוועט אין „פּראָוויאַנט-בייער" פּאַרקיסט א אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אַלע מיט-גלידער פון בוי-אַרבייטער פאַראיין.

— אין יום-טוב. מאָרגען צווייטען יום-טוב וועט [illegible] „בלאַגאָוועשטשעניע" [illegible] די ראַטען-איינריכטונגען זיין געשלאָ-סען.

* * *

א בריף אין רעדאַקציע.

איך בעט אָפּדרוקען פאָלגענדעס:

אין „וועקער" נומער 516 פון 4 [illegible] איז געדרוקט א בריף פון ח' מ. שאַעוויטש.

דער ח' שאַעוויטש שרייבט אין זיין בריף מיט א פולער איבערצייגונג, אז פאַר דעם אידישען קינדער-היים זאָרגט קיינער ניט און די קינדער זענען הונגע-ריק און פאַרחושכט.

איך ערקלער אין נאָמען פון דער אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג, אז דער בריף ענטשפּרעכט ניט דער ווירק-ליכקייט.

די אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער פאַר-זאָרגונג האָט איבערגענומען דעם אידישען קינדער-היים צוזאַמען מיט אַלע ענליכע אַנשטאַלטען אין אָנהויב יאַנואַר.

דער קינדער-היים באַקומט ערנערונגס-פּראָדוקטען אין גאָרפּראָדקאָם. נאָר אַזוי ווי דער לעצטער לאָזט אָפּ די פּראָדוק-טען אין א ניט-גענוגענדער מאָס, גיט אַרויס די אָפּטיילונג די פאַרוואַלטערינס פון די קינדער-היימען געלד אויף איינ-צוקויפען פּראָדוקטען ביי פּריוואַטע פאַר-קויפער.

אין דעם פּונקט איז דער פאַרוואַלטערין פון'ם אידישען קינדער-היים ביז היינטיגען טאָג אַרויסגעגעבען געוואָרען 35 טויזענד ר.

אויסער דעם האָט דער קינדער-היים באַקומען שיכלאך פאַר די קינדער און א סך אַנדערע חפצים.

אין דעם, וואָס דער גאָרפּראָדקאָם גיט ווייניג פּראָדוקטען, איז די אָפּטיי-לונג ניט שולדיג. איך קען אויך אין גאַנ-צען ניט באַשולדיגען דעם גאָרפּראָדקאָם, ווייל די אַלגעמיינע ערנערונגס-לאַגע איז שוין איצט אַזוי טרויעריג.

עס זיינען אויך אָנגענומען געוואָרען אַנדערע מיטלען צו באַקומען פּראָדוקטען: א דעלעגאַציע פון די חברים ווייַנשטיין, קאַשטשענקאָ און מאַריאַסין איז געגאַנגען וועגען דעם אין גובפּראָדקאָם, נאָר ליי-דער האָט עס קיינע רעזולטאַטען געגעבען.

פון דעם אַלעם איז צו זעהן, אז ביי די באַדינגונגען, אין וועלכע מיר געפינען זיך, איז דאָס דער מאַקסימום, וואָס מיר האָבען געקענט טאָן.

נאַטירליך, אויב דער חבר שאַעוויטש האָט אַזאַ מזל, אז זיין בריף וועט צוציהען די אויפמערקזאַמקייט פון די, וועלכע האָבען א שייכות צו די ערנערונגס-אָרגאַ-נען און זיי וועלען אָנהויבען אַרויסצוגע-בען פאַר די קינדער-היימען מעהר פּראָדוק-טען ווי ביז איצט, וועט די אָפּטיילונג זיין זייער צופרידען.

בנוגע צו דעם, וואָס די קינדער שלאָ-פען צו 2 אין איין בעט, האָבען מיר דאָס באַקומען אַן אַלטע ירושה, און די קינדער אין סיראָטען האָבען מיר דאָך ניט גע-קענט.

איצט בויען מיר א נייעם אידישען קינדער-היים, וואו כמעט אַלע די יאָזיגע פראַגע פאַרענטפערט ווערען.

מ. מאַריאַסין.

* * *

קאָרעספּאָנדענצן.

שקלאָוו.

איך ווייס ניט: צי עס איז אומעטום אַזוי, צי ס'איז א ספּעציפיש שקלאָווער ערשיינונג: דעם ערשטען פּלאַץ אין אונ-זער אידישען קאַמף מיט די קאָמוניסטען פאַרנעמט... אידיש. צענדליגער יאָרען האָ-בען מיר געגלויבט, אז אידיש, דאָס איז דער איינציגער באָדען, אויף וועלכען עס קענען זיך בילדען די אידישע אַרבייטער-מאַסען; צענדליגער יאָרען האָט דער איי-נציגער פּראָלעטאַריאַט געקעמפט פאַר דער [illegible] אין אידיש; מען האָט לאַנג גערעדט און געשריבען וועגען דעם קלאַסען-כאַראַק-טער פון דעם שפּראַכען-קאַמף; אַלע אידי-שע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען (וועלכע זיינען „אַמאָל" דאָך געווען סאָציאַליסטי-שע) האָבען אָנגעשריבען אויף זייערע פאַנען: „אידיש". און איך בין געווען זי-כער, אז ס'איז אַזאַ מין עפּעס א שייכות, א שטיקל צוזאַמענהאַנג צווישען אידיש און די אידישע אַרבייטער-מאַסען. ערשט איצט [illegible] די שקלאָווער אידישע קאָמוניס-טען [illegible] אז דאָס אַלץ האָט אויסגעטראַכט דער „בונד": אידיש איז א בונדישע שפּראַך און איז טרייף. ווי דער „בונד" [illegible] און [illegible] זעהט ער מיט [illegible] די „שאָוויניס-טישע" [illegible] פון די קליינבירגערליכע עלעמענטען", [illegible] פאַרזאַמלונגען פון אי-דישע אַרבייטער וואו ער [illegible] נישט רעדען קיין אידיש. אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיי-נען [illegible] ניט געהערט ווערען קיין אידיש וואָרט; א אידישע צייטונג—איז א פאַר-ברעכען קעגען דער רעוואָלוציע. אפילו „דער שטערן" האָט נאָך ניט געהאַט די זכיה [illegible] דעם שוועל פון [illegible] קלוב, און זעהן ניט [illegible] „בונד" וואָלט ער [illegible] אין [illegible] אין דער צווייטער [illegible] [illegible] אין שקלאָוו [illegible] ניט עפענען קיין באַזונדערן קינדער-גאָר-טען פאַר אידישע קינדער. עס דאַרף זיין נאָר א געמיינזאַמער קינדער-גאָרטען אויף רוסיש. ער איז, פאַרשטייט איר מיך, א אינטערנאַציאָנאַליסט.

אגב, קען יעדער אָנווייזען די דברים, אז קאָמוניסטען קענען אידיש געהט ניט אַריין אין פּראָגראַם פון קאָמוניזם?

ד. גאַלפּערין.

לעצטע נייעס.

די [illegible] אין [illegible].

מאָסקווע, 2 אפּרעל. ס'האָט זיך באַקומען א ראַדיאָ-טעלעגראַמע פון דער אַמע-ריקאַנישער פּרעסע ביוראָ פון ליאָן, אין וועלכער ס'ווייזט זיך, אז אויף דער זיצונג פון די פיר מלוכות איז אָפּגעוואָרפען געוואָרען דאָס פּלאַן פון [illegible] מיליטערי-שער קאַמפּאַניע געגען דער ראַטען רוסלאַנד. אויף דער זיצונג ביי קלעמאַנסאָ איז באַ-שלאָסען געוואָרען, אז ס'איז אונמעגליך צו באַזיגען דעם באָלשעוויזם מיט מיליטערישע מיטלען. לויט דער מיינונג פון דעם ענגלי-שען און אַמעריקאַנישען מיליטערישע פאַר-שטעהער וואָלט אַזאַ אונטערנעמונג אַריינ-געצויגען אין א אַלוועלטליכע לאַנגדויע-רענדע מלחמה. נאָכדעם, ווי פאָש'ס פּלאַן איז אָפּגעוואָרפען געוואָרען, האָט דער ראַט פון די פיר אָנגעהויבען באַהאַנדלען אַן אַנדער פּלאַן, וואָס באַשטעהט אין ווידער אָנהויבען די באַציהונגען מיט'ן ראַטען-רוס-לאַנד, אין צושטעלען [illegible] ערנעהרונגס-פּראָדוקטען און [illegible] פון דער ראַטען-רעגירונג, ווערט [illegible] פאָרגעלייגט אויסצו-נוצען די פאַרמיטלונג פון אייניגע פון די צפון'דיגע נייטראַלע לענדער. אונטער'ן דרוק פון אַמעריקע און ענגלאַנד זיינען די פאַראייניגטע מלוכות מסכים אָפּצושטעלען די מי-ליטערישע אָפּעראַציעס געגען ראַטען-רוס-לאַנד, אָבער [illegible] צושטעלען גע-וועהר די [illegible] מיליטער, וואָס אָפּערירען געגען ראַטען-רוסלאַנד. די ראַ-דיאָ-טעלעגראַמע איז ווייטער מודיע, אז גענעראַל סמיטס איז איצט אָפּגעפאָרען קיין אונגאַרן און רוסלאַנד צו באַקאַנען זיך מיט דער לאַגע.

(ראסטא)

צום אויפשטאַנד אין האָמעל.

האָמעל, 3 אפּרעל. קאַלינקאָוויטש גע-פינט זיך פעסט אין אונזערע הענד. די רעשטען פון די באַנדעס, וואָס האָבען זיך דורכגעקליבען צו מאָזיר מיט'ן ציל צו פאַראייניגען זיך מיט די פּעטליוראַווצעס, זיינען צעשמעטערט געוואָרען נעבען קאָל-רעוויטשי און זיינען זיך צולאָפען. די באַנדעס ווערען נאָכגעיאָגט.

(ראסטא)

רעדאַקטאָר-אַרויסגעבער

פרומקינא-וויכמאַן (אסתר)

פרייז 60 קאָפּ.

פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראיי זיך

דער וועקער

צענטראַל-אָרגאַן פון „בונד" אין ראַטען-רוסלאַנד

פרייז פאַר אַבאָנענטן: [illegible] 1 חודש 10 ר. 3 חדשים 28 ר. [illegible] 1 חודש 12 ר. 3 חדשים 30 ר.

פרייז פאַר מודעות: [illegible]

די רעדאַקציע און קאָנטאָר געפינען זיך: זאַכאַריעווסקע נומ. 54, זאַכאַרזשעווסקי'ס הויז, אַרײַנגאַנג [illegible]. די קאָנטאָר איז אָפען טעגליך חוץ שבת פון 10 ביז 4.

אַדרעס פאַר קאָרעספּאָנדענצן: Минскъ, редакція (конторъ) „Деръ Векеръ"

— ערשיינט טעגליך. —

מינסק. דאָנערשטאָג 17 אַפּריל 1919

№ 28 Минскъ, 17 апреля 1919

אַרבײַטער-קאָאָפּעראַטיוו „אײַניקייט"

אויף אויסצומיידען די שטאָרענגעס אין די קראָמען, וועט פאַרקויפט ווערן פּראָדוקטען לויט דער פאָלגענדער טאַבעלע.

זונטאָג	די ביכלאַך פון נומ. 1	ביז נומ. 800
מאָנטאָג	801	1600
דינסטאָג	1601	2400
מיטוואָך	2401	3200
דאָנערשטאָג	3201	4100

פרייטאָג די וועלכע האָבען צוליב וויכטיגע אורזאַכען ניט געקענט קומען אין די אָנגעצייכענטע טעג.

די קאַנטאָר פון „אײַניקייט"

האָט זיך איבערגעקליבען אויף יוריעווסקע נומער 6 (אַנטקעגען די באַנק [illegible]) אַרײַנגאַנג פון הויף אָפען פון 10 פריה ביז 5 אָוונט. מעלדונגען ווערען אָנגענומען פון 10 ביז 8.

אַ לאַנד-קאָנפערענץ פון די „פאַראײַניגטע"

דעם 15-טען מאַי 1919 וועט פאָרקומען אין מינסק אַ קאָנפערענץ פון דער פאַראייניגטער איד. סאָצ. אַרב. פּאַרטיי אין ליטע, ווייסרוסלאַנד און לאַטוויע.

דער טאָגעס-אָרדנונג:

1) באַריכטען; 2) פּאָליטישע פּאָזיציע; 3) אינטערנאַציאָנאַל; 4) פאָרמען פון נאַצ. אויטאָנאָמיע; 5) פּאַרטיי-ליניע; 6) עקאָנאָם. אויפגאַבען; 7) קאָנטר-רעוואָלוציע און פּאָגראָמען; 8) ראַטען-אָרדנונג און פּראָפס. באַוועגונג. 9) אַלפּאַרטייאישע קאָנפערענץ ([illegible] אין האָמלע); 10) באַציהונג צו אַנדערע סאָצ. און קאָמוניסטישע פּאַרטייען; 11) וואַלען פון לאַנד-קאָמיטעט.

דער וואַל-מאָדוס: 25—50 מיטגל.—1 דעל. ביז 200—1 אויף 50; מער אין 200—1 אויף 100. זיך ווענדען: ווילנע, גובערנאַטאָר-גאַס 6 קוו. 43. דערווײַל. הויפּט-ק. פאַר ליטע און ווייסרוסלאַנד.

נייס אין דער אידישער ליטעראַטור

ס'איז ערשינען אַ נייע ווערק וועגען קאָאָפּעראַציע און קאָאָפּעראַטיוון

וואָס איז אַזוינס אַ קאָנסום-געזעלשאַפט?

פון י. אײַזענשטאַט (ירדן)

אַרויסגעגעבען פון מינסקער אַרבייטער-קאָאָפּ. „אײַניקייט".

— פרייז 50 קאָפּ. —

דער פאַרקויף אין קאַנטאָר פון „אײַניקייט" יוריעווער גאַס נומ. 6.

די פאַרוואַלטונג פון אַרב. קאָאָפּעראַטיוו

„אײַניקייט"

איז אַרײַן אין אַן אָבמאַך און האָט איינגעשטעלט אַ ספּעציעלען ביליגען פרייז מיט'ן צאָן-דאָקטאָר

וואָלקאָמיטש

פּרעאָבראַזשענסקע 38

פאַר די מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו וואָס קומען צו איהם היילען די ציינער, פּאָמבירען, אַרויסנעמען [illegible] מאַכען נייע ציינער

לאָקאַל [illegible] גראָסער קלוב [illegible] 4.

— מיטינגען און פערזאַמלונגען. —

אָרגאַניזירט פון מינסקער קאָמיטעט פון „בונד".

פרייטאָג, 18 אַפּריל 8 אין אָוונט

אַ פאָרטראַג פון דעם ח' ווײַנשטיין

[illegible] אין צוזאַמענגאַנג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַרײַנגאַנג פרײַ פאַר מיטגלידער פון „בונד" און מיטפיהרענדע.

שבת, 19 אַפּריל 8 אַזייגער אין אָוונט.

אַ פּאַרטיי-פאַרזאַמלונג

וועגען 1) פּאַרטיי דיסציפּלין און 2) דער רויטער אַרמיי.

זונטאָג 20 אַפּריל 8 אַזייגער אין אָוונט.

אַ פּאַרטיי-פאַרזאַמלונג

וועגען אונזער טאַקטיק אין דער אַרבייטער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג.

מאָנטאָג 21 אַפּריל 4 אַזייגער אָוונט

אַן אַרבײַטער-מיטינג אויף דער טעמע:

„[illegible] און ווי קעמפט מען געגען איהר". רעדנער: די חברים [illegible], ה. גאַרעליק.

מודעה.

[illegible] ווערען רעגיסטרירט אויף פּראָדוקציע [illegible] פון די מיטגלידער פון די פאַראיינען: [illegible] אַרבייטער און עלעקטראָ-טעכניקער. [illegible] וואָס זענען אַרויסגעגעבען מיט דער חתימה [illegible] פאַראיינען, פאַר ניט גילטיג. [illegible] אַרויסגעגעבען פאַראיין פון די בוי-אַרבייטער.

דער באַראַנאָוויטשער קאָמיטעט פון „בונד"

[illegible] דורך אַ רעגיסטראַציע. די רעגיסטראַציע [illegible] (מאַריינסקי 36) פון 5 ביז 8 אַזייגער. דאָרט קאָמיטעט.

[illegible] ביי ה. ראַזוויצקי באַרינסקי 33.

אונזערע מעריב-שכנים.

[illegible] דייטשלאַנד ניט ערקלערט [illegible] קריג. אָבער [illegible] שטעהט דאָס [illegible] אַז מען איז אין אַן אָפענעם קריג. די פּוילישע באַנדעס, וואָס ווילדעווען אויף אונזער געגענד זענען אַ טייל פון די פּוילישע לעגיאָנען. און דאָס וואָס זיי טוען, טוען זיי בהסכם מיט דער קאָנטר-רעוואָלוציאָנערער פּוילישער רעגירונג. ניט איין מאָל האָט פּאַדערעווסקי ערקלערט, אַז ער האַלט פאַר די היסטאָרישע מיסיע פון פּוילען צו דערשטיקען דעם באָלשעוויזם, און ניט איינמאָל האָט מען וועגען דעם דאָזיגען מיסיע גערעדט אין די אַנטאַנטע-קרייזען. מ'מאַכט גאָר קיין סוד ניט פון דעם, אַז מ'גיט פּוילען הלוואות שטיצע געגען רוסלאַנד, און ניט נור פּוילען, נור אויך דער ליטווישער טאַריבע, די עסטאָנער און לעטישע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערען און רעדענדיג פראַיען וועגען דעם, אַז מ'איז גרייט אָפּצוזאָגען זיך פון מלחמה-פּלענער געגען דאָס ראַטען רוסלאַנד, העלפען די אַנטאַנטע פּאָליטיקער אין מינוט ניט אויף צו העלפען אַלע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע גרופּען און גרופּקעס, וואָס פיהרען מלחמה געגען רוסלאַנד.

כאַראַקטעריסטיש איז די ראָליע, וואָס עס שפּילט דערביי דייטשלאַנד. מיר ווייסען אַז [illegible] מיט די פּוילישע און ליטווישע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערען פאַרען זיך [illegible] מעריב-גרעניץ אויף [illegible] טיילען אין קאָוונע און אין [illegible] נאָך דייטשע שטאַבען. עס [illegible] קאָנטר-רעוואָלו[illegible] אינטערנאַציאָנאַל. ווער זענען די דאָזיגע דייטשען? ביז איצט האָט דאָס געהייסען, אַז עס זענען פרייוויליגע, אַ מין דייטשע דעניקינצעס, וואָס האָבען קיין שייכות ניט צו דער דייטשער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, וואָס בלאָנזען אויף אונזער גרעניץ און האַלטען דאָ זייערע שטאַבען, כדי אָנצוזאַמלען אַ קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע קראַפט געגען די דייטשע אַרבייטער און צוגרייטען אַ קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע איבערקערעניש, אַז דאָס פאָרמירט זיך אין קאָוונע און גראָדנע אַ מין ראַנער רעפּובליק, וואוהין ס'ראַטעווען זיך אַלע שוואַרצע, רעאַקציאָנערע כחות פון פריהערדיגען קייזערליכען דייטשלאַנד, און אַז פאַר זיי איז אַפילו שיידעמאַן אַ פאַרברעכער פון דער רעוואָלוציע, געגען וועלכען מ'דאַרף פיהרען אַן אומברחמנות'דיגען קאַמף. ס'איז געווען פאַרשטענדליך, פאַר וואָס אַזעלכע דייטשע סאָלדאַטען און אָפיצערען אָפּערירען צוזאַמען מיט פּוילישע לעגיאָנען, וואָס האָבען נאָר וואָס געהילדעוועט אין מזרח-פּרייסען און אָפּגעטון אַלערליי אכזריות'דיגע שטיק געגען דייטשען מיליטער אין פּוילען. ס'איז געווען קלאָר, אַז דאָס זענען פּשוט שוואַרצע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע כחות, וועלכע זענען גרייט צוזאַמען מיט אַנדערע שוואַרצע פאַרגיסען זייער אייגען פאָטערלאַנד מיט בלוט, כדי דערשטיקען די רעוואָלוציע.

אַ סך זינד, שווערע זינד ליגען אויף שיידעמאַנען און זייערע פּאָליטישע פריינד. אָבער ס'האָט זיך וועניגסטענס געקענט דוכטען, אַז פאַר די מעשים פון די פרייוויליגע דייטשען אויף אונזער גרעניץ איז שיידעמאַנס רעגירונג ניט פאַראַנטוואָרטליך. מיר האָבען געוואוסט, אַז די סטראַשונקעס פון די זיגער. דער שווערער דרוק פון דער אַנטאַנטע האָט געצוואונגען די דייטשע רעגירונג נאָך אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע ניט אויפצושטעלען ווייטער די דיפּלאָמאַטישע באַציהונגען מיט רוסלאַנד. שיידעמאַן האָט זיך שטענדיג געבויגען פאַר דעם אייזערנעם ווילען פונ'ם זיגער. די באַציהונגען צווישען דייטשלאַנד און רוסלאַנד זענען ניט אויפגעשטעלט געוואָרען ביז היינטיגען טאָג. אמת איז אויך אַז די ניט ענטשלאָסענע פּאָליטיק פון שיידעמאַנס רעגירונג האָט פון אָנהויב אָן געשאַפען אַ מעגליכקייט, די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע גענעראַלען און אָפיצירען זאָלען בלייבען ביי זייער מאַכט און רעגירונג און האַלטען אין די הענד די אַרמיי, אַז שיידעמאַן אַליין האָט באַוואָפענט די „פרייוויליגע", דאָס הייסט די בלוטיגע שונאים פון אַרבייטערקלאַס, די פּריצים און בורזשואַזיע.

אָבער דאָס אַלץ—דאָס ניט אָנקניפּען קיין באַציהונגען מיט רוסלאַנד, די שוויגען און נאָכגיביגקייט בנוגע צו די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע כחות, דאָס איז נאָך ניט גלייך צום פיהרען אַליין אַן אַקטיווע מלחמה געגען ראַטען-רוסלאַנד.

איצט דערוויסען מיר זיך, אַז שיידעמאַן האָט אָפען ערקלערט אין דער דייטשער נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג, דאָס דייטשלאַנד געפינט זיך אין צושטאַנד פון מלחמה געגען רוסלאַנד. „מיר האָפען, האָט ער געזאָגט, אַז די מלחמה אויפ'ן מזרח-פראָנט וועט אין גיכען ליקווידירט ווערען ענדגילטיג. מיר קענען ניט דערלאָזען, רוסלאַנד זאָל זיך אַריינמישען אין אונזערע ענינים, אָבער אויב רוסלאַנד וועט זיך אָפּזאָגען פון פּראָפּאַגאַנדירען מיט געוואַלט דעם באָלשעוויזם, וועלען מיר גערן אויסשטרעקען די האַנד דעם רוסישען פאָלק. [illegible] דער ראַטען-רעפּובליק פיהרען מיר אַ מלחמה אויף לעבען און טויט".

דאָס באַטייט שוין מעהר, איידער פּשוט ניט אונטערהאַלטען קיין דיפּלאָמאַטישע באַציהונגען; איידער פּשוט שווייגענדיג צוזעהן, ווי דייטשע באַוואָפענטע בירגער-ראַבעווען און גזלנ'ען אין רוסישע געגנדען. דאָס באַטייט, אַז די דאָזיגע רויבערייען און גזלות, פּאָגראָמען און קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע טרייבערייען ווערען דורך די דייטשע סאָלדאַטען געמאַכט צוזאַמען מיט די פּוילישע און ליטווישע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערען ניט אויף זייערע אייגענע אחריות, נור אַז די דייטשע רעגירונג נעהמט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט דערפאַר און רופט דאָס אָן „מלחמה אויפ'ן מזרח-פראָנט".

זאָלען דאָס גוט געדענקען יענע חברים, וועלכע האַלטען נאָך עד היום, אַז שיידעמאַן איז בעסער און סאָציאַליסטישער, איידער די באָלשעוויקעס. און אַז די בערנער פאַראיינינונג, וואָס האָט שיידעמאַנען קיין שום תנאים ניט געשטעלט, קאָן זיין „אַ באַזע" אויף ווייטער אויפבויען דעם אינטערנאַציאָנאַל. זאָלען זיי גוט געדענקען, אַז דאָס אַלץ, וואָס קומט פאָר אויף אונזער פראָנט, ווערט געטון ניט פּשוט דורך פּאָגראָמשטשיקעס, דורך שלוחים פון פּוילישע פּריצים און קאַפּיטאַליסטען, נור דאָס איז אַ מלחמה, וועלכע ווערט געפיהרט אויף אונז דורכ'ן סאָציאַליסט שיידעמאַן.

די בורזשואַזע רעגירונג פון פּוילען און די סאָציאַליסטישע פון דייטשלאַנד געהען האַנד ביי האַנד, ווען ס'האַנדעלט זיך וועגען קאַמף געגען דער רעוואָלוציע.

אָבער פון וואַרשע איז מען מודיע: דער ראַט פון די אַרבייטער דעפּוטאַטען אין וואַרשע האָט באַשטימט צו אונטערשטיצען דעם שטרייק פון די אַרבייטער אויף די זאַוואָדען, וואָס אַרבייטען אויס מיליטער-מאַטעריאַלען. - דער פּוילישער אַרבייטער זאָגט זיך שוין אָפּ צו שאַפען געוועהר, מיט וועלכען מ'וויל דערשטיקען דאָס רעוואָלוציאָנערע ווייסרוסלאַנד און ליטע, און נאָך מעהר: דער ראַט האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע פון דער בונדישער פראַקציע, וועלכע פּראָטעסטירט קאַטעגאָריש געגען דער מלחמה מיט רוסלאַנד.

און אַז די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע פּוילישע רעגירונג איז געצוואונגען צו דערלאָזען אַזאַ ראַט מיט אַזעלכע רעזאָלוציעס, אַז זי קאָן ניט צוטרייבען איהם, צוזעצען אין טורמעס און צושיסען, - איז דאָס דער בעסטער באַווייז, ווי גליהענד ס'איז די לופט אין פּוילען.

יאָ, שיידעמאַן איז טאַקי גערעכט. די מלחמה אויפ'ן מזרח פראָנט וועט אין גיכען ליקווידירט ווערען. ליקווידירען זי וועט דער אַרבייטערקלאַס פון פּוילען און דייטשלאַנד.

ס'איז אַ צייט פון אַרבײַט!

מען דערצעהלט (דאָס איז אויך צו זעהען פון די בריף, וואָס קומען אָן אין רעדאַקציע), אַז צווישען די אידישע אַרבייטער אויף דער פּראָווינץ, דערהויפּט אין די קלענערע שטעט און שטעטלאַך, הערשט אַן אַפּאַטיע, אַן אַנטלאָזיגקייט, מען פילט זיך דאָרט איינזאַם, הילפלאָז...

ס'איז ניט שווער צו פאַרשטעהן, פאַר וואָס דאָס איז אַזוי. די איצטיגע עפּאָכע שטעלט דעם אַרבייטער-קלאַס זעהר גרויסע פאָדערונגען: ער דאַרף זיך קענען אָריענטירען אין די [illegible] איצט מעהר ווי שטענדיג—אַזוי ווידערשפּרוכפולע וועלט-געשעהענישען, ער דאַרף קענען אין זיי אַנטאַפּען דעם אמת'ן זין,—אַז מיר לעבען איצט אין אַ צייט, ווען די געשיכטע האָט פּראַקטיש אויפגעשטעלט פאַר'ן אַרבייטער-קלאַס די אויפגאַבע צו זיין דער באַפרייער פון דער מענשהייט, אַרויסצופיהרען די פינסטערע פאַר'חושכ'טע וועלט אויפ'ן ליכטיגען וועג פון דער נייע סאָציאַליסטישער אָרדנונג.

די אַרבייטער-מאַסען פון דער פּראָווינץ, דער הויפּט פון די ערטער, וואָס זענען ניט לאַנג באַפרייט געוואָרען פון דער אָקופּאַציע—און דאָס זענען די ערטער, וואו עס לעבען די אידישע אַרבייטער,—די אַרבייטער-מאַסען דערהויפּט פון די קלענערע שטעט און שטעטלאַך לעבען נאָך אַלץ אין אַ פריהערדיגער וועלט, אין דער וועלט פון פאַר דער מלחמה. אין די יאָרען פון אָקופּאַציע זענען זיי אָפּגעריסען געוואָרען פון אַלץ, מיט וואָס זיי האָבען פריהער געלעבט. און איצט, אַראָפּוואַרפענדיג פון זיך דעם אָקופּאַציאָנס-יאָך, זענען זיי מיט אַמאָל אַריינגעפאַלען אַזוי ווי גאָר אין אַ נייע וועלט, גאָר ניט ענליך צו פריהערדיגער, גאָר אין אַן אַנדער עפּאָכע, אין אַן עפּאָכע ניט נאָר פון טרוימען וועגען סאָציאַליזם, נאָר פון זיין פּראַקטישער פאַרווירקליכונג. זיי האָבען געטראָפען נייע מעטאָדען פון קאַמף און אַרבייט, און זיי צו האָבען ניט פאַרשטאַנען, פון וואַנען דאָס איז געקומען, פאַרוואָס האָט זיך דאָס פריהערדיגע געביטען, פאַרוואָס מוז מען אַ סך זאַכען פון פריהערדיגען באַגאַזש אַרויסוואַרפען א. א. וו.

און נאָך אַ סיבה איז פאַראַן. די דאָזיגע סיבה איז שוין ניט אָפּהענגיג פון די אַרבייטער-מאַסען אַליין, נאָר פון די אָפטמאָל משונה'דיגע פאָרמען, וועלכע די ראַטען-מאַכט, אויף וועלכער מען האָט אין די ערטער געוואַרט ווי אויף משיח'ן האָט אָנגענומען אין די קלענערע שטעט און שטעטלאַך.

מיר איז אויסגעקומען צו ריידען מיט אַ סך חברים פון אונזער ראַיאָן: זיי האָבען מיר דערצעהלט, מיט וואָס פאַר אַ מסירת נפש די אַרבייטער-מאַסען פון די ערטער האָבען געאַרבייט די ערשטע צייט, ווען אַהין איז געקומען די ראַטען-מאַכט, כדי צו העלפען איהר איינצוואָרצלען זיך אין די באַרייטע געגענדען. מיט זייער געזונדטען אינסטינקט האָבען זיי דערפילט, אַז דאָס איז זייער מאַכט, זייער אַרבייטער-מאַכט.

די אויפגאַבע האָט געדאַרפט זיין וואָס מעהר צו באַפעסטיגען דעם צוזאַמענבונד מיט די מאַסען, וואָס מעהר אַריינציהען זיי אין די נייע שאַפונגס-אַרבייט און ווי ווייט מעגליך געהן אויסצוהיילען די וואונדען, וואָס זיי האָבען באַקומען נאָך דער גרויזאַמער אָקופּאַציע. גאַנץ שווער איז דאָס אויך ניט געווען, ווייל די אַרבייטער-מאַסען פון די אָקופּירטע ערטער האָבען גענוג געליטען דחקות, הונגער און נויט און דערצו נאָך געווען אמת'ע שקלאַפען, אַז זיי זאָלען גלייך ניט דערפילען די מינדעסטע פאַרלייכטערונג, די קלענסטע פאַרבעסערונג...

אָבער אָפטמאָל ווי געזאָגט, האָט די אָרטיגע מאַכט געהאַנדעלט ריכטיג פאַרקערט, מען האָט דערווייטערט פון זיך די אַרבייטענדיגע מאַסען, מען האָט זיי ניט צוגעלאָזט צו דער אַרבייט, און אַזוי אַרום [illegible] איז דער געוועהנליכער אַרבייטער פונ'ם קליינעם שטעטעל איינגעזעצן אַראָפּגעשלאָגען פון טראָפ...

צו פיל זענען אונז באַקאַנט די מעשים פון די „קליינשטעטלדיגע מאַכט האָבער", אַז מען זאָל זיי דאַרפען דאָ נאָך אַ מאָל אויסרעכענען. איין זאַך דאַרף מען נאָך באַמערקען: אַ סך ווילקייטען, און וועלכע אין די שטעט האָט מען שוין פאַרגעסען, זענען אַלץ אַ טאָג-טעגליכע ערשיינונג אינ'ם קליינעם שטעטעל, אינ'ם ישוב, אינ'ם דאָרף. מיר דאָ אין צענטער, קענען עס אַפילו ניט גלויבען, אַז מען דערצעלט אונז, אַז מען שרייבט אונז וועגען די אַלע זאַכען, וואָס ברענגען אַרויס פון גלייכגעוויכט די אַרבייטער-מאַסען פונ'ם שטעטעל. און—מען דאַרף עס צוגעבען,—אַזוי באַשאַפט זיך אַן אומצופרידענהייט פונ'ם קליינעם שטעטעל צו אונז. מען פאַרשטעהט אונז ניט...

דערצו נאָך זענען מיר, אין צענטער, ביז ניט לאַנג געווען פאַרנומען מיט רעדען, מיט דיסקוסיעס, און אונזערע אָרגאַניזאַציעס אויף די ערטער זיינען געווען איבערגעלאָזען אויף זיך אַליין, האָבען געטאַפּט אין דער פינסטער...

איצט דאַרף אונזער צ. ק. לעגען מעהר אויפמערקזאַמקייט אויף דער אַרבייט אין די קלענערע שטעט און שטעטלאַך. מען דאַרף איינשטעלען מיט זיי ענגערע פאַרבינדונגען, שיקען אַהין חברים פון צענטער, וואָס זאָלען אַלזייטיג אויסקלערען אונזערע אָרטיגע אָרגאַניזאַציעס די רעזולטאַטען פון אונזער אידעאישער עוואָלוציע, ווי זי האָט זיך פאָרמירט אויף אונזער לעצטער קאָנפערענץ. די חברים פון צענטער דאַרפען אויך העלפען איינשטעלען מעהר אָדער ווייניגער נאָרמאַלע באַציהונגען צווישען אונזערע אָרגאַניזאַציעס מיט די קאָמוניסטישע און די אָרגאַנען פון דער ראַטען-מאַכט.

אָבער די אומבאַדינגט נויטיגע אַרבייט וועלען מיר דורכפיהרען נאָר דאַן, ווען ביי אונז וועט קלאָר ווערען, אַז איצט איז אַ צייט פון אַרבייט און ניט פון רעדען. ביי דער מעהרהייט איז דאָס קלאָר, דאַרף זי דאָס זעהען ענערגיש דורכפיהרען אין לעבען.

ס'איז איצט אַ צייט פון אַרבייט,—דאָס דאַרפען מיר פעסטשטעלען ווי אין צענטער, אַזוי אויך אויף די ערטער.

מ. ש.

אין אויסלאַנד

דײַטשלאַנד.

דער צוזאַמענפאַל פון די ראַטען.

נויען, 11 אַפּריל. אויף דער מיטוואָכדיגער זיצונג פונ'ם ראַטען-צוזאַמענפאָר האָבען די אומאָפּהענגיגע געפאָדערט, אַז עס זאָל ערקלערט ווערען אַ שטרייק. דער אומאָפּהענגיגער בראַגע רעכענט, אַז דאָס, וואָס אויף קרופּס זאַוואָדען איז ענטדעקט געוואָרען געווער, איז אַ סימן, אַז עס גרייט זיך אַ קאָנטר-רעוואָלוציע. די מערהייטס-סאָציאַליסטען האָבען עס ענערגיש אָפּגעלייקענט. אויף דער נאָכמיטאָג-זיצונג האָט דער ערנעהרונגס-מיניסטער ראָבערט שמידט ערקלערט, אַז די רעגירונג איז גרייט צו ערפילען די פאָדערונגען פון די רוהרער בערג-אַרבייטער, [illegible] מיט'ן צושטעלען פּראָדוקטען, נאָר די רעגירונג קען ניט פיהרען מיט זיי אונטערהאַנדלונגען וועגען פּאָליטישע פראַגען. אָהן קוילען וועט ניט זיין קיין ברויט,—האָט פאַרענדיגט דער מיניסטער.

(ראָסטאַ).

אַ שטרייק פון די באַנק-אַנגעשטעלטע.

נויען, 11 אַפּריל. צום שטרייק פון די באַנק-אַנגעשטעלטע האָבען זיך פאַראייניגט די אַנגעשטעלטע פון דייטשען באַנק. מיט דעם האָבען זיך אָפּגעשטעלט די אָפּעראַציעס אין אַלע בערלינער גרויסע בענק.

(ראָסטאַ).

די שטרייק-באַוועגונג.

נויען, 12 אַפּריל. דער שטרייק אין קוילען-ראַיאָן נעמט אָן אַ פּאָליטישען כאַראַקטער. די קאָמוניסטען מאַכען דעמאָנסטראַציעס, פאָדערענדיג אַ בונד מיט די ראַטען פון רוסלאַנד און אונגאַרן. אין האַנאָווער האָט דער רעוואָלוציאָנערער אַרבייטער קאָמיטעט ערקלערט אַן אַלגעמיינעם שטרייק. עס זענען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסען צווישען די ספּאַרטאַקאָווצעס און די טראַמוויי-אַנגעשטעלטע.

(ראָסטאַ).

אין דעם ראַטען-אונגאַרן.

בודאַפּעשט, 12 אַפּריל. אויפ'ן אָרט פון פריהערדיגען מוניציפּאַל-ראַט (שטאָט-פאַרוואַלטונג) קלייבען די אַרבייטער און סאָלדאַטען-ראַטען פון בודאַפּעשט אויס אַ צענטראַל-ראַט פון 200 מיטגלידער.

— פון קראָאַטיען מעלדעט מען, אַז אין די סערבישע פאָלקען וואַקסט מיט יעדען טאָג די דעזערטירונג און דאָס אַריבערגעהן די דעמאַרקאַציאָנס-ליניע. די רעוואָלוציאָנערע שטימונג וואַקסט אויך צווישען פראַנצויזישען מיליטער אין סעגעדין. די פראַנצויזען האָט מען געמוזט פאַרבייטען מיט קאָלאָניאַל-מיליטער.

— די בודאַפּעשטער סאָציאַליסטישע פּרעסע שרייבט וועגען דער אומענשליכקייט פון דער אימפּעריאַליסטישער רומענישער רעגירונג, וועלכע האָט אַרעסטירט בעלאַקונס עלטערען און שוועסטער, כאָטש ניט די עלטערען, זקנים פון 70 יאָר, ניט די שוועסטער האָבען זיך קיינמאָל ניט פאַרנומען מיט פּאָליטיק.

— צוליב'ן גרויסען מאַנגעל אין ערנעהרונגס-פּראָדוקטען ביים ווינער פּראָלעטאַריאַט, האָבען די אַרבייטער פון די בודאַפּעשטער מעטאַלורגישע פאַבריקען פאָרגעלעגט די ווינער אַרבייטער אַ העלפט פון זייער פּראָדוקטען-פּאַיאָק, כאָטש אין בודאַפּעשט אַליין איז קיין איבעריגס ניטאָ.

(ראָסטאַ).

איבער'ן לאַנד.

צום קאַמף מיט [illegible]

פּעטראָגראַד, 12 אַפּריל. [illegible] עקסטרע-זיצונג פון פּעטראָגראַדער ראַט פון די פּראָפ. פעראיינען דעם 12 אַפּריל, וואָס איז צוזאַמענגערופען געוואָרען אין פאַרבינדונג מיט די געשעהענישען אויפ'ן מזרח פראָנט, האָט דער פאַרשטעהער פון די מענשעוויקעס קאַמענסקי פאָרגעלעגט דער ראַטען-מאַכט אויסצושטרעקען די האַנד די געזונטע עלעמענטען פון פּראָלעטאַריאַט, אַפילו ווען זיי זענען נישט קיין באָלשעוויקעס. אין איצטיגען מאָמענט, האָט געזאָגט קאַמענסקי, ווילען מיר ניט בלייבען נייטראַל, נאָר דאָס איז ניט אָפּהענגיג פון אונז. איהר דאַרפט באַשאַפען אַן איינהייטליכען סאָציאַליסטישען פראָנט. דער פאָרזיצער אַנצעלאָוויטש האָט געזאָגט, אַז אויב די מענשעוויקעס אַנערקענען דעם קאַמף מיט קאָלטשאַקען אין די אינטערעסען פון פּראָלעטאַריאַט, קען מען עס נאָר באַגריסען, נאָר ניט לויט ווערטער, נאָר לויט די מעשים. עס איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע וועגען אָרגאַניזירען אַן אַרבייטער באַטאַליאָן. נאָכדעם איז פאַרעפענטליכט געוואָרען דער צעטעל פון די פאַראיינען, וואָס האָבען געגעבען פרייוויליגע.

(ראָסטאַ).

פון די פראָנטען.

פונ'ם פראָנט-באַריכט פאַר'ן 12 אַפּריל.

מערב-פראָנט. אין מאָזירער ראַיאָן האָבען די רויטע ווייסרוסיש-ליטווישע טיילען פאַרנומען מאָזיר און אַ רייע ישובים צו דרום-מערב פון שטאָט.

מורמאַנסקער [illegible] אין דער [illegible] ראַיאָן ווערען אונזערע פאָרטייען (פּ. פּ. ס.) [illegible] צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי וואָס פאָרמולירט די פּאָזיצי

גספ'ים אויף נייע פאזיציעס, 25 וויארסט מזרח'דיגער פון בילרוסלאן אין בוגולמענסק. ראיאן האבען אינזערע אפּטיילונגען אינטער'ן דריק פון [illegible] פארלאזען בוגילמא און זענען צוריקגעגאנגען אויף 16 וויארסט צו דרום-מערב [illegible] פון דעם ארט. אין סאראפּולער ראיאן, דרום'דיגער פון דער אייזענבאן-ליניע זענען אינזערע אפּטיילונגען קעמפענדיג [illegible]געגאנגען אויף 5—10 וויארסט.

(ראסטא).

פינ'ם פראָנט-בעריכט פאר'ן 18 אפּריל.

[illegible] ריקען זיך די [illegible] אפּטיילונגען קעמפענדיג [illegible] ראיאן קאשעראַרער [illegible] האבען די רויטע ווייסרוסיש-ליטווישע אפּטיילונגען פארנומען א רייהע ישובים 20 וויארסט מערב'דיגער פון [illegible] ביים [illegible] האבען מיר פארכאפּט 2 שיפען. אויפ'ן מזרח-פראָנט [illegible] ראיאן [illegible], אין בוגילמינסקער [illegible] מערב'דיגער פון בוגולמא [illegible] קעגענצוגעשט[illegible] אונזערע אָפּטיילונגען [illegible] וויארסט אין מעניעליסקער ראיאן [illegible] פון טייך בעלאיא האט [illegible] א צור קעגנשטויס אונזערע אָפּטיילונגען אויף [illegible] וויארסט צו צוריק. אין סאראפּולער ראיאן, דרום'דיגער פון דער אייזענבאן-ליניע זענען מיר צוריקגעגאנגען אויף 10 וויארסט פון קיבאיעוו. צפון'דיגער פירט דער שונא א אנגריף אין דער לענג פון [illegible] וועג. אין אינסקער ראיאן פירען מיר צוריק אונזערע אָפּטיילונגען אויף 0 וויארסט אויף נייע פאזיציעס

(ראסטא)

פראָנט-באריכט פאר'ן 14-טען אפּריל.

אויפ'ן מערב-פראָנט. אין פריקאווישער ראיאן קומט פאר א ארטילערישע שיסעריי צפון'דיגער פון [illegible] אייזענבאן-ליניע. דרום'דיגער, אין ראיאן פון פסקאווער שאסיי פירען אונזערע אָפּטיילונגען אנ'ערפאלגרייכען אנגריף. אין מיטאווער ראיאן, באוסקער ריכטונג האבען מיר פארנומען דעם ישוב [illegible], 10 וויארסט צפון מזרח'דיגער פון באוסק און דאס שטעטל סאראטע, 2 וויארסט צפון-מזרח'דיגער פון באוסק. אין יאקאבשטאטער ריכטונג זענען אונזערע אָפּטיילונגען איבערגעגאנגען צום אנגריף אויף א פראָנט פון 25 וויארסט און האבען פארנומען א רייהע ישובים דרום-מערב'דיגער פון שטעטל ביקושי. אין וואלקאוויסקער ריכטונג האבען מיר אָפּגעשלאגען די פיינדל'כע אטאקעס אויף דיאכל, ?—נאוואיעלניא. אין מזירער ראיאן האבען מיר ביי פארנעמען די סס. קאיוענקא, 5 וויארסט מערב'דיגער פון מאזיר, פארכאפּט א געפאנצערטען צוג, א האַרמאט און וואגאנעס.

אויפ'ן מזרח-פראָנט האבען מיר אין אופאלער ראיאן אָפּגעשלאָגען דעם אנגרייף אויף לבישעשעוסק. אין סטערליטאמאקסקען ראיאן האבען מיר אין פאבינדונג מיט דער אלגעמיינער לאגע צוריקגענומען אינזער מיליטער אויף א ליניע 17 וויארסט דרום-מערב'דיגער פון סטערליטאמאק. אין בוגורוסלאנסקער ראיאן [illegible] אונזער מיליטער 15 וויארסט מזרח'דיגער פון בוגורוסלאן. צפון'דיגער פון דער בוגולמינסקער אייזענבאן פארנעמען מיר דעם [illegible] פונ'ם טייך צעשמי. אין סאראפּולער [illegible] דער קאמף דרום'דיגער פון [illegible] אייזענבאן. צפון'דיגער זענען מיר צוריקגעגאנגען צו [illegible]פּיליאיא. 20 וויארסט מזרח'דיגער פון איזשעווסקאיע. אין ארמאנסקי פערמסקער ראיאן נעמען מיר צוריק אונזער מיליטער אויף א ליניע 50 וויארסט דרום-מזרח'דיגער פון גלאזאוו.

(ראסטא).

פון אוקראַינישען פראָנט.

טשערניגאוו, 12 אפּריל. די לעצטע ידיעות פון פראָנט זאגען עדות, אז פעטליורעס ארמיי איז אינגאנצען דעמאראליזירט. אין ראיאן פון קאראסטען זענען פאר די לעצטע 3 טעג איבערגעגאנגען אויף אונזער זייט איבער 15000 מאן.

(ראסטא).

א ראט אין סעוואסטאפּאל.

נאוואאלעקסעיעווקע, טאווערישע גוב., 11 אפּריל. לויט די באקומענע ידיעות איז די מאכט אין סעוואסטאפּאל איבערגעגאנגען צו'ם ראט פון די ארבייטער און פויערים-דעפּוטאטען.

(ראסטא).

◆

די אידישע סעקציעס און די קולטורעלע ארבייט.

(א בריף פון מאהילעוו)

ליי[illegible]ענדיג דעם ארטיקל „צו דער באמ[illegible]“ [illegible] פון 2 אפּרעל, איבערצייגט מיך [illegible], אז די קולטורעלע ארבייט אויף דער אידישער גאס געפינט זיך אין א שרעקליכער לאגע, [illegible] זיך מאכי פאר א מורא[illegible] א שרעקליכע [illegible]קייט.

[illegible] צו ארבייטען מיט ערפאלג און קולטורעלען אויף דער אידישער גאס, אויסניצענדיג דעם אלגעמיינעם מלוכה-אפאראט קומט אויס צו קעמפען מיט גרויסע שוועריגקייטען. ס'קומט אויס צו קעמפען פאר די רעכט פון די נאציאנאלע מינדערהייטען, וועלכע ווערען אפילו אויף די ערטער פון די מאכטהאבער ניט אנערקענט. די מאכטהאבער, וועלכע זעהען אין דער נאציאנאלער קולטור-ארבייט א נאציאנאליסטישע פאליטיק, [illegible] דער ארבייט לאזען ניט ארייננדרינגען צווישען די ברייטע פאלקס-מאסען דעם ריכטיגען אינטער[illegible]סטישען געדאנק און אפילו, אויף [illegible] זיך וועגען קינדער פון שול-[illegible] [illegible] וויסענשאפטליכע קענטעניסען אויף דער פארשטענדליכסטער פאר זיי שפּראך, אויף דער מוטער-שפּראך.

אין ארטיקעל „צו דער באמ[illegible]“ פעלט אבער נאך מיין מיינונג, איין זאך [illegible] אויף דער קריטישער [illegible], אין וועלכער די קולטורעלע ארבייט געפינט זיך רופענדיג אלע ארבייטען זיך צו פאראייניגען אין קאמף ארום די רעכט פון דער אידישער קולטור אגב דער ארטיקעל [illegible] וועגען דעם, וואס ס'וועט [illegible] אויפגעטאן.

ס'זיינען אבער פארט דא אידישע סעקציעס ביי די בילדונגס אפּטיילונגען, מ'קען זאגן פאר די אלע אויפגעגעבענע [illegible] זיכען, או... מהאט ערפאלג.

„אז די קולטורעלע ארבייט געפינט זיך אין מאהילעווער גובערניע אין זיכערע הענט, זעהט איר גלייך, ווי איר גייט אריין אין דער אידישער סעקציע ביי דער גוב.-בילדונגס-אפּטיילונג. („שטערן“ נום. 64). — אזוי ווערט איבערגעגעבען דער איינדרוק, וואס די [illegible] סעקציע האט געמאכט אויף דעם אייטאר, וואס האט זי צופעליג באזוכט. אין אמת'ן האט די סעקציע אויסגעטאן פיל מער.

די [illegible] זיך אין פארבינדונג מיט [illegible] גובערניע. פון אלע עקען, פון שטעט און שטעטלאך, ווענדעט מען זיך צו איר נאך הילף, אנווייזונגען, ליטעראטור, לערער א. א. וו., און די סעקציע באפרידיגט אויף וויפיל זי קען. מ'איז דא צו ווענדען זיך צו ווענדען נאך אנ'עצה, נאך הילף. מיט איר ווירקונג זענען אין איינעגע אויעזדען געגרינדעט (אין אנדערע [illegible] מען צוגעטראטען צו גרינדען) אזעלכע [illegible]. איבער איר ווירקונג זענען גע[illegible] א רייהע אידישע ביכער, וואס זענען [illegible] געוועהר עם האנד[illegible] קינדער-גערטנער, וועגען דעם א[illegible] אונזער אייגענעם היים און אייגענעם [illegible]בען. עס געהט אים דעם גורל פון די ביבליאטעקען א. א. וו. זי האט צוויי אינסטרוקטארען וועלכע דינען אלס א לעבעדיגע פארבינדונג מיט דער גובערניע. אינטער דער ווירקונג פון דער סעקציע זענען א גאנצע רייהע אנשטאלטען איינגעשלאָסען געווארען אין נעץ די סעקציע פלעגט פועל'ן, אז די עקשנים פון די ארטיגע אויספּאלקאמען פלעגט מען שיקען טעלעגראפישע פאראָרדנונגען. וועגען זייער אויספירונג. אין א צט איז ניטא אין דער גאנצער גובערניע קיין שול, קינדערהיים אדער אויענד-שול, וועלכע זאל ניט זיין אריינגעשלאסען אין נעץ. די סעקציע—האט איינגעפירט אויך די קורסען פאר פארשול-בילדונג אידישע למודים. כדי צוגרייטען ארעפעליסטען צו דער ארבייט און אידישע קינדערגערטנער. זי האט איינגעקויפט אין אין ווילנע, מאסקווע און קיעוו אויף 00.00 רוב. לערן-ביכער, ליטעראטור שול-מכשירים א. א. וו. זי האט ארגאניזירט א בוך-לאגער, וועלכער האט אלעס, וואס דער אידישער ביכער-מארק פארמאגט און די סעקציע האט די מעגליכקייט צו באפרידיגען די גובערניע מיט לערן-ביכער, קינדער-ליטעראטור, לערן-מכשירים, פיזישע פרעפאראטען א. א. וו., זי ארגאניזירט צום 1 מאי א אידישע ביכער-אויסשטעלונג. כדי צוציהען די [illegible] אויפמערקזאמקייט פון די פאלקס-מאסען צו'ם בוך.

ארבייטס פעהיגע סעקציעס געפינען זיך אין די אויעזדען. אין ראהאטשאָוו, צום ביישפיל, האט די סעקציע געעפענט א לערער-סעמינאריע, כדי צוגרייטען פאסיגע שול-טוער פאר דער אידישער איינהייטליכער ארבייטס-שול. און וועלכע ס'פילט זיך אזא מאנגעל.

מ'קען אנווייזען נאך פיל אויפגעטאנענעס, און וואס ס'וועט אין דער נאהענסטער צייט אויפגעטאן ווערען. מ'קען אויפווייזען אויף אויף סעקציעס אין אנדערע גובערניעס, ווי אין וויטעבסק. וואו ס'זיינען דא נאך מעהר אינטעלעקטועלע כחות ווי אין מאהילעוו... נאר ניט דאס בין איך אויסען. כ'וויל נאר אויפווייזען, אז, ניט קוקענדיג אויף די שווערע, שרעקליך שווערע באדינגונגען, אין וועלכע ס'קומט אויס צו ארבייטען, ווען פאר יעדער קלייניגקייט קומט אויס זיך ווארפען אין קאמף, רייסען זיך, איבעררייידען, פאדערן, ווערט פארט וואס ס'איז אויפגעטאן, איז די לאגע נאך ניט אזוי שרעקליך, הייסט עס, אז זי וועט זיך אויסבעסערען, מ'דארף נאר ניט פארלירען דעם מוט, זיך רופען סאקי „צו דער טאט“.

מ'דארף גרינדען אומעטום סעקציעס, ריכטיגער, אונטעראָפּטיילונגען פון פאלקס-בילדונג פאר נאציאנאלע מינדערהייטען, צוטיילטע אויף סעקציעס. דאס איז די באקוועמסטע פארם פון ארגאניזאציע, כדי צו האבען די נויטיגע ווירקונג אויף די בילדונגס אָפּטיילונגען.

מ. סאלוצקי.

מינסקער לעבען

— א זיצונג פון צ. ב. היינט 8 אווענד וועט פארקומען א זיצונג פון ראט (צ. ב.) פון די פראפס. פאראיינען.

— צום 1-טען מאי. מארגען 5 אווענד וועט אין גוב. בילדונגס אָפּטיילונג (ארכיריי-הויז) פארקומען א בעראטונג פון אלע ארבייטער-ארגאניזאציעס אויף אויסצוארבייטען די פראגראם פונ'ם 1-טען מאי-פייערונג.

— וועגען פּראָדוקטען-אריינפיר. די אפּצאמונגס-אטריאדען אויף די שאסיי-וועגען ביי מינסק ווערען אראפּגענומען, אויב א מיליציאנער רעקווירירט ניט-נארמירטע פראדוקטען, דארף מען וועגען דעם מעלדן אין שטאָט-מיליציע און אין נאַרקאָמ[illegible].

— יעדער בירגער קען פירען ביז 5 פוד ניט-נארמירטע פראדוקטען, ווי קארטאפעל, ציבעלע, שאַמען, פוטער, אייער, אופות און אנד. די פויערים, וואס פירען אין שטאט פראדוקטען צו פארקויפען, קענען די ניט-נארמירטע פראדוקטען פירען אין א אונבאגרענצטער צאָל.

— די אפּצאמונגס-אטריאדען אויף די אייזנבאן-סטאנציעס בלייבען, נור אויף זיי [illegible] איינגעשטעלט א שטרענגער קאנטראל, וואס וועט מאכען אונמעגליך בייזוויליגע רעקוויזיציעס.

◆

די זיצונג פון ארבייטער ראט.

דעם 15-טען אפּריל איז אין שטאָט-טעאטער פארגעקומען די זיצונג פון ארבייטער-ראט. ח' סאוואטיעוו האט געהאלטען א פארטראג וועגען פאליטישען מאָמענט, האט זיך אָפּגעשטעלט אויף די געפארען, וואס דראָהען אונז מצד דער קאנטררעוואָלוציע און האט צום ענדע געוויזען איבערצייגענד פון רעוואלוציאָנערען צושטאנד אין צייטאנד פון שאפען. עס געהט דער לעצטער קאמף און ס'מוזען זיין ווייניגער ווערטער און מער מעשים.

אין נאמען פון „בונד“ איז ארויסגעטראטען חבר פריז: דער בונד שטעהט אויף דער פּלאטפארמע פון דער ראטען-מאכט און רופט אלע ארבייטער צו געהן אין דער רויטער ארמיי און העלפען דער רעוואָלוציע. כאראקטעריזירענדיג די אינטערנאציאנאלע לאגע, ווייזט דער רעדנער אָן, אז דער אינגארישער פּראָלעטאַריאַט האט סאקי פיל געלערנט פון אונז פאזיטיוועס. ער האט אבער אויך געלערנט וואס מען דארף ניט טאָן. אין אינגארן געהן ביידע ארבייטער פארטייען צוזאמען. אונזערע קאמוניסטען אבער שטויסען אָפּ דעם פּראָלעטאַריאַט די באלשעוויסטישע מאכט פארשטארקט די רעפּרעסיעס געגען די מענשעוויקעס און ס. ר. הגם די מענשעוויקעס האבען אנגענומען א רעזאָלוציע, וואס זאגט זיך ארויס געגען דעם באוואָפענטען קאמף מיט דער ראטען-מאכט. די קאמוניסטען דארפען זעהען די רעזאלוציעס פון זייער אייגענעם צוזאמענפאר, מאכען מעגליך דאס צוזאמענארבייט פון אלע סאציאליסטישע פּארטייען און אפּזאגען זיך פון טערראָר.

אין נאמען פון די ס.ר. טרעט אויס ח. קאגאן. ער וויל דערווייזען, אז די רעוואָלוציע אין אונגארן און באיערן זענען ניט ריכטיג פארגעשטעלט אין די באריכטען פון „ראסטא“.

דער רעדנער ווערט אויפגעפאדערט צו געבען א קלארען ענטפער: ווי באציהען זיך די ס.ר. צו דער ראטען-מאכט. ח' קאגאן באקומט אויף דעם נאך [illegible] מינוט, אין וועלכע ער זאגט זיך ארויס. אז די ס.ר. זענען געגען קאלטשאקען אין זיי וועלען מיט זייערע כוחות קעמפען פאר דעם מען איהם דעם וועג, אבער ארגאניזירען די רעוואָלוציאָנערע באשיצונג ווי געהעריג איז קאן נור די פאלקס הערשאפט.

חבר סלאָנימסקי וויזט אן, אז דער ארבייטער-קלאס איז ניט נור געגען קאלטשאק'ן, נור געגען אלע, וואס ווילען איהם אונטערדריקען. ח. קריוואשייאין באשולדיגט די ס. ר. אין אנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאנדע. דארט, וואו די ראטען-מאכט איז צייטווייליג פארויגט געווארען, האבען די ס. ר. געשפּילט א מיאוסע ראָליע.

ח. א. ווינשטיין ערקלערט, אז ס'זענען [illegible] קיין פאקטען צו באשולדיגען די ס.ר. אין אנטיסעמיטישע פראפּאגאנדע. אויך ביי די ס. ר. זענען דא פארשידענע ריכטונגען און זאל א צווייטער פארשטעהער פון דער פארטיי ערקלערען ווי אזוי וויל די פארטיי קעמפען געגען קאלטשאק'ן, וועט זי שטיצען דער ראטען-מאכט אין קאמף מיט איהרע שונאים, אדער זי וועט קעמפען געגען ביידען צוזאמען. די ס.ר. פאדערן א גרינדונגס-פארזאמלונג. איך האב שוין פון דער דאזיגער אילוזיע אָפּגעזאגט זיך אבער די, וואס האלטען נאך פון איהר מוזען דאך אנערקענען, אז אין דעם היסטארישען פּעריאד, וועלכען מיר לעבען איבער, איז די פארווירקליכונג פון דעם לאזונג אומעגליך. די איינציגע רעוואלוציאָנערע מאכט איז די ראטען-מאכט. די ס. ר. דארפען זאגען אפען, ווילען זיי איהר שטיצען אדער באקעמפען.

ח. ווינשטיין וויזט ווייטער אן, אז אין איצטיגען ערנסטען מאמענט מוז ביי אונז זיין ווייניגער מיטינג-רעדעס און מער זאכליכקייט. מיר פאדערן אלעמען און אלץ פאר דער רויטער ארמיי, אבער מען מוז זאגען, אז מען מוז אויך באווארענען דעם היל און דער בעסטער וועג דערצו איז, אז די ראטען זאלען זיין די ווירקליכע בעלי-בתים, אז קיין זאך זאל ניט פארקומען אהן זייער קאנטראל.

פון די פ"צ. זענען ארויסגעטראטען די חברים צבי און בלעכער. דער לעצטער האט אנגעוויזען, אז אין איצטיגען מאמענט דארף מען שטיצען די ראטען-מאכט אהן קיינע פארזאגונגען. דער ח. צבי האט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער פאזיציע פון די ס. ר. און אויף דער טאקטיק פון דער קאמוניסטישער פארטיי אין אונזער געגענד.

נאך די ארויסטרעטונגען פון ח. מאשקאוויטש (מענשעוויקעס) און ח. האראר („פאראייניגטע“), האט די פארזאמלונג אנגענומען א רעזאלוציע, וועלכע באגריסט די נייע סאציאליסטישע רעפובליקען און פאדערט אויף אנצושטרענגען אלע קרעפטען אין קאמף מיט דער קאנטר-רעוואָלוציע.

נאכ'ן באריכט פון ח. רייצעס וועגען דער איינזעצונג פונ'ם קלאסען פּאיאָק האט דער ראט סאנקציאנירט די טעטיגקייט פונ'ם נארקאמפראד אויף דעם דאזיגען געביט.

דער באריכט וועגען פאלקס בילדונג איז אָפּגעלעגט געווארען אויף דער צווייטער זיצונג.

◆

פון פארטיי-לעבען.

די ביורא פון צ. ק. פון „בונד“, האט אויף איהר זיצונג דעם 10-טען אפּריל באטראכט די פראגע וועגען דער רויטער ארמיי אין צוזאמענהאנג מיט דער לאגע אויפ'ן פראָנט. עס איז באשלאָסען געווארען ארויסגעבען א אויפרוף צו די אידישע ארבייטענדע מאסען ארייננצוטרעטען אין דער רויטער ארמיי און צו נעמען אקטיווען אנטייל אין קאמף געגען די קאנטר-רעוואָלוציאָנערע באנדעס, וועלכע פירען א קאמף געגען דעם רויטען רוסלאנד.

2) אלע אונזערע ארגאניזאציעס דארפען צוזאמענשטעלען א צעטעל פון די חברים וועלכע זיינען מיליטעריש צוגעגרייט און וועלען גלייך אריין אין דער רויטער ארמיי אלס רעקאמענדירטע פון דער פארטיי. די ארגאניזאציעס דארפען טעלעגראפיש מעלדען אין צ. ק. וועגען דער צאהל פון אזעלכע חברים. און ווארטען אויף אנווייזונגען, וואוהין זיי זאלען צושיקען די חברים.

3) צוזאמענשטעלען א צעטעל פון חברים, וועלכע מען דארף לערנען מיליטערישע קענטעניסען, כדי מען זאל זיי צוגרייטען און קענען שיקען אין דער רויטער ארמיי. וועגען דער צאהל געבען צו וויסען אין צ. ק.

4) שאפען ביי די ארגאניזאציעס קאנטראל-קאמיסיעס, וועלכע זאלען קאנטראלירען די מיטגלידער, צו זיי האבען ערפילט די פאראָרדנונגען וועגען מאָביליזאציע, רעגיסטראציע, און מיליטערישער צוגרייטונג.

דער צ.ק. פון „בונד“ האט באקומען פאלגענדע בריף פון קאמוניסטישען צ. ק. פון ליטע און ווייסרוסלאנד וועגען דער פראגע, וואס קען טאן דער „בונד“ צו פארשטארקען די רויטע ארמיי:

אין צ. ק. פון אלגעמיינעם אידישען ארבייטער „בונד“.

די פּראָלעטארישע מאכט אין דער סאָציאליסטישער ראטען-רעפובליק פון ליטע און ווייסרוסלאנד לעבט איבער שווערע מינוטען. די בורזשואזיע, די אזוי גרויסע פוילישע „פאלקס-רעפובליק“, די קאנטר-רעוואָלוציאָנערע רעגירונגען פון דער ליטווישער טאריבע און דער ווייסרוסישער ראדע און ענדליך די ווייסגווארדייאישע דייטשע באנדעס זאמלען אויף אלע קרעפטען, כדי ניט צו געבען אונז די מעגליכקייט אפּצוהאלטען אנ' ענדגילטיגען נצחון. דער פראָנט געפינט זיך אין דערמיט פון אונזער רעפובליק. דער פּראָלעטאריאט, וואס ווערט געפירט פון אונזער פארטיי, שטרענגט אן אלע קרעפטען צו געבען אנ' ענדגילטיגען קלאַפּ דעם אנגרייפענדיגען שונא. די קאמוניסטישע פארטיי האט מאביליזירט אירע בעסטע [illegible] און ארויסגעשיקט זיי אויפ'ן פראָנט. די קאמוניסטישע פארטיי האט צוגעצויגען אלע אירע מיטגלידער צו די אלגעמיינע מיליטערישע למודים און שטעלט אלע אירע מיטגלידער אין רשות פון קריגס-קאמיסאריאט.

דער „בונד“ האט ניט איינמאל ערקלערט, אז ער שטעהט אויף דער פּלאטפארם פון דער ראטען-מאכט, אז ער איז גרייט מיט אלע מיטלען צו שטיצען די ראטען-מאכט. אינ'ם טאג פונ'ם יאר-צייט פון דער רויטער ארמיי איז ער ארויס אויפ'ן גאס מיט'ן לאזונג: „זאל לעבען די רויטע ארמיי“. נאר ביז איצט איז אונז [illegible] גארניט באוואוסט וועגען די קאנקרעטע מיטלען, וואס דער „בונד“ האט אנגענומען צו פארשטארקען די רויטע ארמיי און צו שטיצען אונזערע פראָנטען.

דער צענטראל-קאמיטעט פון דער קאמוניסטישער פארטיי פון ליטע און ווייסרוסלאנד רעכענט, אז ס'איז שווער צו ערווארטען אזא לאגע, וואס זאל נאך מעהר פאריינען די אנשטרענגונג פון אלע כחות, וואס זיינען פאראן אין דער רעפובליק, ווי די, וואס האט זיך איצטער באשאפען. אלע די, וואס זענען ניט קיין פיינד פון דער ראטען-ארדנונג, דארפען זיך שטעלען אין די רייהען פון די פארטיידיגער. די, וואס האבען ערקלערט, אז זיי זענען גרייט צו שטיצען די רעפובליק, דארפען איבערגעהן פון ווערטער צו מעשים.

דער צ. ק. פון דער קאמוניסטישער פארטיי פון ליטע און ווייסרוסלאנד ווענדעט זיך צו אייך און לעגט אייך פאר צו געבען אנ'ענטפער, וואס רעכענט איהר תיכף צו טון, כדי צו פארטיידיגען דאס סאציאליסטישע פאטערלאנד, וואס פאר א טייל פון דער שווערער, נאר הויכער אויפגאבע פון דער דאזיגער פארטיידיגונג איהר קענט נעמען אויף זיך, וואס קענט איהר געבען אין דער איצטיגער מינוט פאר דער רויטער ארמיי, וואס רעכענט איהר צו טון, כדי מיליטעריש צוצוגרייטען אייערע מיטגלידער.

דער צ. ק. פון דער קאמוניסטישער פארטיי פון ליטע און ווייסרוסלאנד לעגט אייך פאר קלאר און דייטליך ארויסצוזאגען אייער באציהונג צו דער פראגע און ערפילען אייער חוב פאר דער רעוואָלוציע.

מיט חבר-גרוס

דער צ. ק. פון דער קאמוניסטישער פארטיי, פון ליטע און ווייסרוסלאנד

אין צ. ק. פון דער קאמוניסטישער פארטיי פון ליטע און ווייסרוסלאנד.

וו. חברים.

אלס ענטפער אויף אייער בריף האלט דער צ. ק. פון „בונד“ פאר נויטיג מודיע צו זיין אייך פאלגענדעס:

פון דער ביגעלגעבע רעוואלוציע פון דער עלטער אלרוסלענדער קאנפערענץ פון אונזער פארטיי וועגען פאליטישען מאמענט קענט איהר זיך דערוויסען אונזער פאזיציע בנוגע דער ראטען-מאכט בכלל און אונזער באציהונג צו דער רויטער ארמיי בפרט.

דער „בונד“ וועלכער איז אויסגעוואקסען פון שויס פון אידישען פּראָלעטאריאט אין ליטע און ווייסרוסלאנד, וועלכע איז געשטאנען אין דער שפּיץ פון אידישען פּראָלעטאריאט אין די שווערסטע און עהרליכסטע מאמענטען פון זיין קאמף מיט [illegible] „רויטע“ [illegible], אלעגעפאלס ניט ווייניגער פון אנדערע ארבייטער-פארטייען, די גאנצע פאראנטווארטליכקייט פאר'ן גורל פון דער רעוואלוציע אין אונזער געגענד.

דער אידישער פּראָלעטאריאט האט צוזאמען, פארבונדען זיין גורל מיט'ן גורל פון דער ראטען-מאכט. ניט קוקענדיג אויף די-נע מיינונגס-פארשידענהייטען מיט איהר, האלט דאך דער „בונד“ פאר נויטיג צו שטיצען די ראטען-מאכט, אלס א מאכט א רעוואָלוציאָנערע, אלס א מאכט פון די ארבייטענדע מאסען, וואס שטעהט אויף דער וואך פון זייערע רעוואָלוציאָנערע און סאָציאליסטישע ערובערונגען. באזונדערס איז דאס שייך דער רויטער ארמיי.

פאר'ן אידישען פּראָלעטאריאט אין אונזער יונגער רעפובליק האט די פראַגע וועגען שטיצען די רויטער ארמיי נאך א באזונדער באדייטונג צוליב דעם, ווייל, אויסער דעם, וואס די רויטע ארמיי שטעלט מיט זיך פאר א באוואָפענטע קראפט פון רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאריאט און די אנדערע ארבייטענדיגע מאסען געגען דעם אנפאל פון דער קאנטר-רעוואָלוציע, זענען נאך די קאנטר-רעוואָלוציאָנערע כחות, וואס פאלען אן אויף אונזער געגענד גלייכצייטיג אויך די אנטיסעמיטישע קרעפטען, וואס דראָהען דעם אידישען פּראָלעטאריאט און די אידישע ארבייטס-מאסען מיט'ן טויט און אונטערגאנג.

זינט אין אונזער געגענד איז אריין די ראטען-מאכט האט דאריבער דער „בונד“ ניט אויפגעהערט צו רופען דעם אידישען פּראָלעטאריאט ארייננצוטרעטען אין די רייהען פון דער רויטער ארמיי און צו העלפען איהר מיט אלע כחות.

איצט האט דער צ.ק. פון „בונד“ פארגעלעגט אלע ארטיגע ארגאניזאציעס קלאר צו מאכען די צאהל מיטגלידער פון „בונד“, וואס קענען טראגען געוועהר און קענען אריינטרעטען אין די רייהען פון דער רויטער ארמיי, ווי אויך די צאהל פון די מיטגלידער פון אונזער פארטיי, וואס זענען גרייט ארייננצוטרעטען אין דער ארמיי. נאר מוזען זיך פריהער צוגרייטען צו דעם.

גלייכצייטיג ערווארטען מיר פון צ. ק. פון דער קאמוניסטישער פארטיי אנ'ענטפער אין וואס פאר א נאך קאנקרעטע פארמען קען זיך אויסדריקען די הילף פון „בונד“ אין איצטיגען פאראנטווארטליכען מאמענט באקומענדיג די נויטיגע ידיעות, וועט דער צ. ק. פון „בונד“ קענען ענערגיש אנווייזען די רעאלע מיטהילף, וועלכע ער וועט קענען ארויסווייזען דער מאכט אין דער נאהענטסטער צייט.

צום סוף האלט דער צ. ק. פון „בונד“ פאר זיין חוב אנצווייזען דעם צ. ק. פון דער קאמוניסטישער פארטיי, אז כדי צו הייבען די באגייסטערונג אין די מאסען, כדי הייבען דעם קאמפס-גייסט אין קאמף מיט דער דראהענדיגער קאנטר-רעוואָלוציע זענען די אלע מיטלען נאך ניט גענוג. עס איז נויטיג צו ענדערען דעם אלגעמיינעם קורס פון דער פאליטיק אינ'ם גייסט פון פארשטארקען דעם אנטייל אין דער מאכט מצד די ארבייטענדיגע מאסען אליין, פון פארשטארקען די טעטיגקייט און די זעלבסטעטיקייט פון די ראטען, ארבערייטערען זייער באזע, אויפהערען די פאליטיק פון טערראר. אויף די אלע וועגען האט אונזער פארטיי אנגעוויזען אין איר רעזאלוציע פון דער 11-טער קאנפערענץ.

מיט חבר-גרוס דער צ. ק.
פון „בונד“.

◆

טעלעגראמען.

פארנומען זשיטאמיר.

קיעוו, 13 אפּריל. דעם 12 אפּריל האָבען מיר פארנומען זשיטאָמיר.

(ראסטא)

פארנומען יאלטע און באכטשיסעריי.

שטאב פון דער [illegible] ער ארמיי די אוקראינישע מיליטער האט פארנומען יאלטע און באכטשיסעריי.

(ראסטא).

די לאגע אין דייטשלאנד.

נויען, 13 אפּריל. א רעגירונגס ראדיא: די שטרייק-באוועגונג געפינט זיך אין אזא לאגע: אין רורער געביט שטרייקען מעהר פון 160 טויזענד ארבייטער. אין דיסעלדארף איז פארגעקומען א צוזאמענשטויס צווישען די אויפגעשטאנענע ארבייטער און דעם רעגירונגס-מיליטער, בעת די ערשטע האבען פארכאפּט דעם וואקזאל און די פאסט. די ארבייטער זענען אומעטום אפּגעווארפען געווארען. אין עססען האט דער טראמוויי-שטרייק אויפגעהערט. דער שטרייק אויף קרופּס שטאַל-פאבריק ווערט שוואכער צוליב די אונרוהען איז די שטאט ערקלערט געווארען אין באלאגערונגס-צושטאנד. נאָך די אונטערהאנדלונגען פון די שטרייקענדע מיט'ן רעגירונגס-קאמיסאר וויניג האט דער גענעראל-שטרייק אויפגעהערט. שבת איז דער באלאגערונגס-צושטאנד אראפּגענומען געווארען.

(ראסטא)

רעדאקטאר-ארויסגעבער
מ. פרומקינא-וויכמאן (אסתר)

„גרינינקע ביימעלאך“

ארויסגעגעבען פון פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג אין ליטע און ווייסרוסל.

מען בעט אלע אידישע ליטעראטען און לערער, וואס פארמאגען וועלכע ניט איז מאטעריאלען ווי ערצעהלונגען, לידער, שפּילען און כדומה, סיי אריגינעלע און סיין איבערזעצטע, און אויך זאכען געשריבען פון קינדער—צוצושיקען דאס אין רעדאקציע „גרינינקע ביימעלאך“ אף אז דעם אדרעס: פרייסע גאס, קאמיסאריאט פאר בילדונג „גרינינקע ביימעלאך“.

חברים!

אונזער צייטונג לעבט איבער א פינאנציעלען קריזיס. אויב אלע חברים און מיטפילענדע וועלען זיך גלייך ניט אפּרופען מיט שטיצע, וועט אונז אויסקומען דעם „וועקער“ אפּשטעלען.

די רעדאקציע פון „וועקער“ האט ארויסגעלאזען שעהנע קינסטלערישע מארקעס צו 20 ק., 50 ק., 1 ר. די מארקעס דארף מען ברייט פארשפּרייטען, מען דארף קלעפּען אויף אלערליי קוויטונגען, אויף בילעטען פון אלערליי אונטערנעמונגען א. א. וו. די מארקעס קען מען שוין באקומען טעגליך אין קאנטאר פון „וועקער“.

די רעדאקציע.

קאמפּלעקטען „וועקער“

פאר דער צייט פון דער קאנפערענץ (די דעבאטען, רעזאלוציעס א. א.) 17 נומ[illegible] קען מען באקומען אדער אויסשרייבען פון קאנטאר פון „וועקער“. מינסק [illegible] אין אונדדיקאווסקע 54. פרייז 10 רובל.

די קאנטאר.

פרייז 60 קאפ.

פראלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניגט זיך!

דער וועקער

צענטראל-ארגאן פון „בונד" אין ראטען-רוסלאנד.

די רעדאקציע און קאנטאר געפינען זיך: זאכאריעווסקע נום. 54, זאקרזשעווסקי'ס הויז, אריינגאנג אין הויף. די קאנטאר איז אפען טעגליך חוץ שבת פון 10 ביז 4 א זייגער

אדרעס פאר קארעספאנדענצען: Минскъ, редакція (конторъ) „Деръ Векеръ"

ערשיינט טעגליך.

פרייז פאר אבאנעמענט [illegible]

פרייז פאר מודעות: [illegible] 80 פ. [illegible]

מינסק, פרייטאג, 18 אפריל 1919 · 529 Минск. 18 апреля

נייס אין דער אידישער ליטעראטור

ס איז ערשינען א נייע ווערק וועגען קאאפעראציע און קאאפעראטיווען

ווֹאס איז אזוינס א קאנסום-געזעלשאפט?

פון י. אייזענשטאט (יודין)

ארויסגעגעבען פון מינסקער ארבייטער-קאאפ. „איינינקייט".

פרייז 50 קאפ.

דער פארקויף אין קאנטאר פון „איינינקייט" זאריעווער גאס נום. 6.

די פארוואלטונג פון ארב. קאאפעראטיוו

„איינינקייט"

איז אריין אין אנ'אבמאך און האט איינגעשטעלט א ספעציעלען ביליגען פרייז מיט'ן צאן-דאקטאר

וואלקאמיטש

פרעאבראזשענסקע 38

פאר די מיטגלידער פון קאאפעראטיוו וואס קומען צו איהם היילען די ציינער, פלאמבירען, און מאכען נייע ציינער

ארבייטער-קאאפעראטיוו „איינינקייט"

אויף אויסצומיידען די שפארענ'ס אין די קראמען, וועט פארקויפט ווערען פראדוקטען לויט דער פאלגענדער טאבעלע:

זונטאג	די ביכלעך פון נום. 1 ביז נום.	800
מאנטאג	801 -	1600
דינסטאג	1601 -	2400
מיטוואך	2401 -	3200
דאנערשטאג	3201 -	4100

פרייטאג די וועלכע האבען צוליב וויכטיגע אורזאכען ניט געקענט קומען אין די אנגעצייכענטע טעג.

די קאנטאר פון „איינינקייט"

האט זיך איבערגעקליבען אויף זאריעווסקע נומער 6 (אנטקעגען די באנק פיורא) אריינגאנג פון הויף אפען פון 10 פריה ביז 5 אווענד. מעלדונגען ווערען אנגענומען פון 10 ביז 8.

א לאנד-קאנפערענץ פון די „פאראייניגטע"

דעם 15-טען מאי 1919 וועט פארקומען אין מינסק א קאנפערענץ פון דער פאראייניגטער איד. סאצ. ארב. פארטיי אין ליטע, ווייסרוסלאנד און לאטוויען.

דער טאג-ארדנונג:

1) באריכט; 2) פאליטישע פאזיציע; 3) אינטערנאציאנאל; 4) פארמען פון נאצ. אויטאנאמיע; 5) טעריטאריאליזם; 6) עקאנאמ. איינגאבעס; 7) קאנטר-רעוואלוציע און פאגראמען; 8) ראטען-ארדנונג און פראפעס. באוועגונג; 9) אלפארטייאישע קאנפערענץ (1-טען יון אין האמלע); 10) באציהונג צו אנדערע סאצ. און קאמוניסטישע פארטייען; 11) וואלען פון לאנד קאמיטעט.

דער וואל-באדים: 25—50 מיטגל.—1 דעל. ביז 200—1 אויף 50; מער פון 200—2 אויף 100. זיך ווענדען: ווילנע, גובערנאטאר-גאס 6 קוו. 13, דערוויל. היימסיק. פאר ליטע און ווייסרוסלאנד.

די פארוואלטונג און אנגעשטעלטע פון ארבייטער קאאפעראטיוו „איינינקייט" באווייגען דעם פריצייטיגען טויט פון דער חברטע

רחל בומשטיין.

די פארשטארבענע איז געווען די ערשטע אנגעשטעלטע אין דער ערשטער קראם פונ'ם קאאפעראטיוו ביים אנפאנג פון זיין גרינדונג. מיט איהר צוזאמען איז דער קאאפעראטיוו געוואקסען און זיך אנטוויקעלט. זי האט געארבייט ערנסט און טריי צו באדינען די [illegible] צאל מיטגלידער און ווען ס'האט זיך געעפנט די 3-טע קראם אויף דאנערשטער גאס אין דער [illegible] פון דער ארימער מאסע, האט מען עס אנפארטרויט דער חברטע רחל בומשטיין צו פארוואלטען.

[illegible] עלטער [illegible] וואס האט זיך [illegible] דורכגעמאכט [illegible] האט אפגעשוואכט איהר [illegible] פון קראם און [illegible] אזוי איז זי געשטאנען אויף איהר פאסטען צו באדינען דער ארימער מאסע ביז איהר לעצטען אטעם-צוג. [illegible] איהר אנדענקען!

די ארגאניזאציאנס-קאמיסיע פון „בונד" וועגען דער רויטער ארמיי.

[illegible] מינסק. אין עלטער פון 18 ביז 40 יאר [illegible] טעג פון 9 ביז 1 א זייגער טעגליך [illegible]

די קאמיסיע.

קאמערנער טעאטער אידישער דראמאטישער טעאטער

[illegible] פון דעם באוואוסטען ארטיסט [illegible]

[illegible] מאל אויף דער אידישער סצענע די באריהמטע [illegible] א קאמעדיע אויף די אייראפעאישע בינעס

מאטאן? אי פערלאמוטער [illegible]

[illegible] אויספיהרען דער [illegible]

אפרוה צווישען פארשטעלונגען:

אין איינער אזייגער [illegible] מאל די באוו. פיעסע פון ל. קאברין.

די צוריסענע קייטען

צום שלום א ווויעדיוויסטמענט מיט'ן אנטייל פון די ארטיסט בעזמאן, [illegible], סאכבערג און אייזענשטארק.

די משפחה

[illegible] פון די ארטיסטען פר.

[illegible] מאל אין מינסק די באוואוסטע פיעסע, וואס [illegible]

זשאן און מאדלענע [illegible]

[illegible] סאכבערג. אדמיניסטראטאר בעזמאן.

צום מזרח-פראנט.

ווען די פוילישע באנדעס האבען אנ-געהויבען ארבייטען אין די באפרייטע געגענדען, ווען עס זענען אנגעקומען ידיעות פון [illegible] נעסוויזש, באראנאוויטש, פינסק, פון דערפער און שטעט-לאך, דאן האט יעדער אידישער ארבייטער געפיהלט, דערפיהלט די סכנה וועלכע [illegible] זיין [illegible] קאנטר-רעוואלוציע [illegible] ער האט דערזעהן, אז די קאנטר רעוואלוציע וועט ניט רויבען ביי איהם די פאליטישע פרייהייט, די סאציאלע ערובערונגען, נור אז זי טראגט איהם פאגראמען, טויט און פארניכטונג. דער צורוף אין די רויטע ארמיי האט ביי אזעלכע באדינגונגען באקומען די פארם פון א צורוף צו דער געוועהנליכסטער זעלבסט שוץ, צו באשיצען זיך אליין, די אייגענע פרוי, די אייגענע קינדער, דאס אייגענע האב און גוטס. געהען אין די רויטע ארמיי—דאס האט מען זיך פארגעשטעלט הייסט געהען באפרייען סלאנים, ניט דערלאזען די באנדעס קיין ווילנע, קיין מינסק, קיין סלוצק, קיין באברויסק, צו זיך אהיים, אויף די גאסען פון די אייגענע שטעט.

איצט קלינגט אין גאנץ ראטען-רוסלאנד איין צורוף אויף מזרח, געגען קאלטשאק'ן! און צו דעם צורוף דארפען זיך צוהערען, איהם דארפען פאלגען אלע אידישע ארבייטער. וואס זענען מיר פעהיג צו טראגען געוועהר. עס האנדעלט זיך איצט ניט וועגען דעם אייגענעם שטעטעל, וועגען אונזער אייגענעם היים און אייגענעם לעבען. עס געהט אוב דעם גורל פון דער גאנצער רוסלענדער רעוואלוציע. דארט ארום דער וואלגע, וועט זיך באשטימען אויך דער גורל פון מינסק און פון ווילנע, פון סלאנים און פון באראנאוויטש—און אפשר אויך פון בודאפעשט און מיונכען. דארט האט די רוסלענדער קאנטר-רעוואלוציע געזאמעלט איהרע לעצטע כחות. דארט פיהרט זיך די ענטשיידענע שלאכט צווישען דער פינסטערער פארגאנגענהייט און דער ליכטיגער צוקונפט.

מיר ווייסען, אז סוף כל סוף וועלען מיר סיי ווי סיי זיגען. אבער ס'איז דאך ניט גלייכגילטיג, אויב מיר וועלען דארפען נאך דורכגעהן דורך פעריאדען פון מפלות, פון מורא'דיגע יסורים, אויב מיר וועלען דארפען אפגעבען אונזערע כחות ניט אויף בויען די נייע וועלט און העלפען דער רעוואלוציע אין אנדערע לענדער, נור צוריק איינעמען דאס, וואס מיר האבען שוין איינמאל געהאט איינגענומען, אויב הונגער און דחקות וועלען נאך פייניגען אונזערע אויסגעמאטערטע פאלקס-מאסען, פארגיפטען אונזער שאפונגסארבייט, אויב אונזערע קינדער, וואס פאר זיי בויען מיר דאך די צוקונפט, וועלען שמאכטען און אויסגעהן פון הונגער און קראנקהייטען.

אויב קאלטשאק וועט איצט אפהאלטען א נצחון, אויב ער וועט פארכאפען וואלגע, דעם לעבענסנערוו פון ראטען-רוסלאנד, דורך וועלכען עס קאן קומען דערנעהרונג און רוימאטעריאלען, אויב ער וועט פארנעהמען די לאגערן תבואה פון יענער געגענד, אויב מיר וועלען בלייבען אפגעצאהלט פון סיביר מיט איהרע רייכטימער, ווארט אויף אונז א שרעקליכער זומער, נאך א שטארקערער הונגער ווי ביז איצט. צענדלינגער טויזענטער, הונדערטערטויזענטער קרבנות וואלט אונז דער דאזיגער נצחון קאסטען. ער קאן פארוואנדעלט ווערען אין א מורא'דיגער מפלה פון דער רעוואלוציע.

די ארבייטער פון מינסק און פון ווילנע, פון מאהילעוו און פון וויטעבסק דארפען אויף א מינוט ניט לאזען זיך פארבלענדען מיט'ן געדאנק, אז קאלטשאק איז ווייט, איבער טויזענד ווערסט פון אונז, אז צו אונז וועט ער ניט צוקומען. די רעזולטאטען פון זיין נצחון וועלען מיר תיכף דערפיהלען. דאס וועט זיין א שטיצע פאר דער קאנטר-רעוואלוציע פון דער גאנצער וועלט. און אויך פאר די פוילישע ווייסע גווארדייצעס. דאס וועט זיין א קלאפ פאר דער אלוועלטליכער רעוואלוציע. דאס וועט זיין א קלאפ פאר'ן רוסלענדישען ארבייטער פון גאנצען לאנד—פון פעטראגראד און פון אדעס, פון קיעוו און פון ווילנע. אז ס'ברענט איין ווינקעל הויז, קענען זיך די שכנים ניט טרייסטען, אז צו זיי איז נאך ווייט. אלע קרעפטען, די גאנצע ענערגיע אויף לעשען די שריפה. אלע קרעפטען, די גאנצע ענערגיע אויפ'ן מזרח-פראנט!

דאס איז די פליכט פון יעדען באוואוסטזיניגען ארבייטער. דאס איז א אמת'ע זעלבסטשוץ. אמת'ע באשיצונג פון זיך אליין, פונ'ם אייגענעם ווייב און קינד, פון דער אייגענער צוקונפט און גליק.

אויב אלע וועלען אנשטרענגען זייערע כחות, אויב אלע וועלען ערפילען זייער פליכט, וועט דער נצחון געוויס זיין אונזערער. פאראיארען סוף זומער איז די לאגע געוועזען אסך ערגער. [illegible] אוקראינע, עס באפרייען זיך די ברעגעס פון שווארצען ים, עס זענען באפרייט ליטע און ווייסרוסלאנד, עס באפרייען זיך פאדאליען און בעסראביען. עס קומט איין צו דער דאנער קאנטר רעוואלוציע. דער גרעסטער טייל ארבייט איז שוין אפגעמאכט. מ'דארף צוזאמענעהמען די כחות פאר דעם לעצטען ענטשלאסענעם קלאפ.

און די אידישע ארבייטער דארפען אריינגיסען זייערע קרעפטען אין דעם געמיינזאמען קראפט, אין די רויטע ארמיי. און העלפען איהר נצחון איבער דער לעצטער פעסטונג פונ'ם שונא-איבער קאלטשאק'ס פראנט.

⁂

אנ'אפענער בריף צו די יודישע קאמוניסטען.

איך בין אין דער רוסישער קאמוניסטישער פארטיי געווען מעהר ווי צוויי יאהר. באלד נאך דער פעבראל רעוואלוציע בין איך אריינגעטראטען אין איהר און אריבערגעטראגען די צייט, ווען מיר קאמוניסטען זענען געווען א מינדערהייט, ווען קערענסקי האט אונז פארפאלגט.

באלד נאך דער אקטאבער רעוואלוציע, ווי נאר עס האבען זיך געבילדעט אידישע קאמוניסטישע גרופען אין פעטערבורג, בין איך אין זיי אריינגעטרעטען און האב אין זיי געארבייט, אזוי אז איך בין געווען נאהענט דער גאנצער אידישער קאמוניסטישער באוועגונג.

יעצט טרעט איך ארויס פון דער קאמוניסטישער פארטיי און פון דעם אידישען קאמוניסטישען פארבאנד און טרעט אריין אין די רייהען פון „בונד".

און דאס טו איך גאנץ באוואוסטזיניג ווייסענדיג די גאנצע פאראנטווארטליכקייט פון מיין טריט.

איך וויל יעצט ווענדען זיך מיט אנ'אפענעם בריף צו מיינע געוועזענע פארטיי-חברים, און אנווייזען זיי אויף די סבות, וואס האבען מיך דערצו געטריבען.—

פעך און שווער ווארפט די אידישע קאמוניסטישע פארטיי אויף דעם „בונד". מעהר פון אלעמען חורס מען איבער, אז דער „בונד צופאלט" זיך, אז פון איהם געהען אוועק אלע נייע מיטגלידער און געהען אריבער, פארשטייט זיך, צו די אידישע קאמוניסטען. איך וועל ניט פאלעמיזירען צו דאס איז ריכטיג. אבער פון ווען אן האבען סאציאליסטען אנגעהויבען צו רעכענען פאר ריכטיג דאס וואס האט מעהר אנהענגער? און איז דען פאר עמיצען א סוד, אז צווישען די וואס ווערען איצט קאמוניסטען, זענען פאראן אויך עוועלכע, וואס טוען דאס, ווייל עס לוינט. אבער וויכטיג איז פאר מיר אנ'אנדער זאך. אין אונזער קאמוניסטישער פרעסע, וואס מיר האבען ארויסגעגעבען באלד נאך דער אקטאבער רעוואלוציע: „וואהרהייט", „[illegible]" ק. פ. ב., האט איינער פון אונזערע לידערס, פון די גרינדער פון דער אידישער קאמוניסטישער באוועגונג, שאפער פון דעם אידישען קאמיסאריאט, פארוואלטער פון זיין קולטור און בילדונגס-אפטיילונג, דער רעדאקטאר פון דיזע צייטונגען חבר ז. בוכבינדער, געשריבען זעהר פיל און הייס געגען אידישע קהילות, געגען ערט אז מען זאל זיי אפשאפען און אויף זייער ארט גרינדען „אידישע ראטען פון אלע אידישע ארבייטער-מאסען", וועלכע זאלען זיך פארנעמען מיט אלע פראגען, וואס זענען שייך צו אידען (אונטערגעשטריכען פון דעם חבר בוכבינדער). די דאזיגע ארטיקלען האט אויך דער אידישער קאמיסאריאט ארויסגעלאזט אין א באזונדערע בראשור און פארשפרייט צווישען דער אידישער באפעלקערונג. אבער יעצט, ווען אנדערע אידישע פארטייען („בונד", „פאראייניגטע") שטעלען ארויס די פאדערונג פון אידישע ראטען, ווען זיי שטעלען פראקטיש דעם לאזונג פון דיקטאטור פון די אידישע ארבייטער מאסען אויף דער אידישער גאס און פיהרען א קאמף פאר דער קולטורעלער זעלבסטשטענדיגקייט פון די אידישע ארבייטער, זעהען מיר, אז די אידישע קאמוניסטען טרעטען ארויס שארף געגען אזוינע ראטען און אליין דער חבר בוכבינדער, וואס איז זעהר באוואוסט ביי אונז אין ראטען רוסלאנד, שרייבט אין דער „פרייער וועלט", וואס קומט ניט לאנג ערשיינט אין מינסק, געגען אידישע ראטען און לעגט פאר זיי פארבייטען מיט סעקציעס ביי אפטיילונגען פאר פאלקס בילדונג.

אבער גרויסערער פאר איך איז דער פאקט, וואס אפילו פאר אזעלכע סעקציעס קעמפען די אידישע קאמוניסטען אויך ניט. דער צירקולאר פון ווילנער קאמיסאריאט, וואס זאגט זיך ארויס געגען סעקציעס, האט ניט ראגעגענט מצד די קאמוניסטען קיין שום פראטעסט. ווען די פראגע האט זיך באהאנדעלט אין צ. א. ק. האבען מיר געשוויגען. מיר, אידישע קאמוניסטען, האבען קיין שום ווידערשפרוך ניט ארויסגעוויזען. אונזערע פארטרעטער האבען ניט געהאט קיין מוט ארויסצוטרעטען געגען די פוילישע חברים.

מיר זעהען, אז פאר די דיקטאטור פון די אידישע ארבייטענדע מאסען קעמפט דער „בונד", אז פאר איבערגעבען די קולטור-ארבייט אין די הענד פון די אידישע ארבייטענדע מאסען קעמפט דער „בונד". ער קעמפט דערפאר, וואס מיר האבען ארויסגעשטעלט פון אנהויב אן, און דערפאר איז ניטא קיין סבות פאר א באזונדערער עקזיסטענץ פון דעם אידישען קאמוניסטישען פארבאנד. מיר דארפען זיך פאראייניגען, אריינגעהענדיג אין די רייהען פון „בונד".

געגען די אסימילאטארישע טענדענצען, וואס ווייזען זיך ארויס אין דער פראקטיק פון דער קאמוניסטישער פארטיי, מוזען מיר קעמפען. אין אזא פארטיי קענען מיר ווייטער ניט בלייבען.

איך האף, אז אלע אונזערע ערליכע חברים, וואס טראכטען ניט דעמאגאגיש, נאר באוואוסטזיניג וועגען אלעס, וואס קומט פאר אין אונזער סאציאליסטישען לעבען, וועלען טהון דאס, וואס איך האב געטהאן.

איך זאג ארויס א וואונש, אז מיין בריף זאלען מיינע געוועזענע פארטיי-חברים ניט פארשווייגען, נאר באהאנדלען. באזונדערס וואלט איך וועלען באקומען אנ'ענטפער פון דעם חבר בוכבינדער, מיט וועלכען עס איז מיר אויסגעקומען צוזאמען צוגרינדען די ערשטע אידישע קאמוניסטישע גרופע אין פעטערבורג און אויך דעם אידישען קאמיסאריאט, פון דעם חבר, וואס האט אזוי פיל אין נאמען פון אידישע קאמוניסטען באהאנדעלט די טעאריע פון די אידישע קאמוניסטען אין „עווריעיסקאיא טריבונא", „וואהרהייט" און „אמת", און וואס טרעט יעצט ארויס אזוי שארף געגען דעם אלעס, וואס ער האט פריער געזאגט.

מיכל גאראדעצקי,
מיטגליד פון וויבארגער ראיאן פון דער רוס. קאמ. פארטיי פון פעטערבורג, מיטגליד-קארטע נום. 163

⁂

אין אויסלאנד

דייטשלאנד.

אויף דעם ראטען-צוזאמענפאר.

נויען, 14 אפרעל. אויפ'ן צוזאמענפאר פון די ראטען איז דער פארשלאג צו גרינדען א מלוכה-ראט פון סאלדאטען-דעפוטאטען אפגעווארפען געווארען מיט 125 געגען 101 שטימען. עס איז אנגענומען געווארען דער פארשלאג פון די מערהייטס-סאציאליסטען צו גרינדען א פאלקס-גווארדיע אויפ'ן יסוד פון אלגעמיינעם מיליטער-פליכט. ביז וואנען דער פארשלאג וועט פארווירקליכט ווערען דארף באשאפען ווערען ראטען פון סאלדאטען-דעפוטאטען, וועלכע דארפען ארבייטען צוזאמען מיט'ן מיניסטער פון נאציאנאלער פארטיידיגונג. עס איז אנגענומען געווארען דער פארשלאג מבטל צו מאכען די באזונדערע אויסצייכנונגען. אנ'אפיצער [illegible] פונ'ם דינסט.

(ראסטא)

אין פרייסישען לאנדטאג.

נויען, 13 אפריל. (ראדיא) דער פרייסישער לאנדטאג האט מיט אלע שטימען געגען די אומאפהענגיגע באשטימט איבערצוגעבען דער רעגירונג ניט אונטערצושרייבען אזא שלום-אפמאך, וואס גיט ניט די גאראנטיעס, אז ער וועט זיין א יסוד פאר א ווירקליכען שלום. די רעזאלוציע באשטעהט דערהויפט אויף פאלגענדע פונקטען: אפהיטען די גאנצקייט און די איינהייט פון דייטשלאנד, גלייך אראפנעמען די בלאקאדע, וואס גיכער אומקערען די דייטשע געפאנגענע און גלייך אפראמען די אקופירטע דייטשע געביטען. דער פארזיצער פון לאנדטאג ליינערט (מערהייטס-סאציאליסט) האט אין דעם זין געהאלטען א רעדע. דער פארשטעהער פון די אומאפהענגיגע אדאלף האפמאן האט געזאגט, אז די אומאפהענגיגע פראטעסטירען אויך געגען אפטרעטען דייטשע טעריטאריע און פאדערען, אז עס זאל גלייך אראפגענומען ווערען די בלאקאדע און די געפאנגענע זאלען אומגעקערט ווערען א היים. דאך האבען זיך די אומאפהענגיגע ניט פאראייניגט צו דער רעזאלוציע פונ'ם לאנדטאג, ווייל זיי זענען ניט מסכים צו ווענדען זיך צו די בורזשואזע רעגירונגען פון די קאפיטאליסטישע לענדער. נאר פונ'ם קאמף פון דעם אלוועלטליכען פראלעטאריאט געגען דעם אלוועלטליכען קאפיטאל ערווארטען די אומאפהענגיגע א ווירקליכען שלום.

(ראסטא)

מען פארעט די שטרייקענדע מיט הונגער.

נויען, 14 אפרעל. די פרייסישע רעגירונגס פארוואלטונג האט באשלאסען ניט צו שיקען קיין עסענווארג אין רורער קוילען-געביט, ביז וואנען עס וועט זיך ניט אנהויבען די ארבייט.

(ראסטא)

דער בירגער-קריג אין מינכען.

נויען, 16 אפרעל. (א דייטשע רעגירונגס-ראדיא), זונטאג בייטאג איז פארגעקומען א גראנדיעזע מאניפעסטאציע פון קאמוניסטען, ארבייטער און סאלדאטען. דער מינכענער וואקזאל, וועלכער איז געווען פארנומען פון רעפובליקאנישען רעגירונגס-מיליטער, איז ביינאכט אטאקירט געווארען פונ'ם ראטען-מיליטער, באוואפענט מיט פולעמיאטען און מינענווארפער. די רעפובליקאנישע רעגירונגס-מיליטער, האבענדיג גרויסע פערלוסטען, זענען נישט געווען בכח אינצוהאלטען דעם וואקזאל און האבען זיך אונטערגעגעבען. דעם קאמענדאנט פון סטאנציע האט מען אוועקגעפיהרט אויף צו דערשיסען. אין דערזעלבער נאכט האבען די קאמוניסטען גענומען די הויפט-קווארטיר פון רעפובליקאנישען רעגירונגס-מיליטער, די קאמענדאנטור און אנדערע געזעלשאפטליכע געביידעס. גלייך נאכדעם האבען די קאמוניסטען פארנומען אלע קאזארמעס און האבען ווידער אויפגעשטעלט אינ'ם גאנצען שטאט די ראטען-מאכט. אויפ'ן צווייטען טאג איז ערקלערט געווארען א גענעראל-שטרייק.

(ראסטא)

אין דעם ראטען-אונגארן.

די ערשטע זיצונג פון בודאפעשטער ראט.

בודאפעשט, 12 אפריל. נעכטען איז אין שטאט-טעאטער פארגעקומען די ערשטע זיצונג פון בודאפעשטער ראט פון די ארבייטער און סאלדאטען דעפוטאטען.

(ראסטא)

די פאריזער קאנפערענץ.

די פראגע וועגען די סאארער קוילען-גרובען.

ליאן, 12 אפריל. די פראגע וועגען די סאארער קוילען גרובען ווערט געלייזט אויף אזא אופן: די פראנצויזען באקומען קוילען-גרובען און אזא צאהל קוילען, ווי ס' זיי וואלטען באקומען פון די אייגענע גרובען, וועלכע זיינען צושטערט געווארען פון די דייטשען. ווי עס ווייזט אויס, וועלען די פראנצויזען עקספלואטירען די גרובען אין פארלויף פון 15 יאהר. פאליטיש וועט דער געביט אין משך פון די 15 יאהר זיך געפינען אונטער דער פארוואלטונג פון דער פעלקער-ליגע. אין סאארער געביט וועט איינגעארדענט ווערען א פלעביסציט, וועלכער וועט פעסטשטעלען, צי דער דאזיגער געגענד זאל געהערען צו פראנקרייך, אדער צו דייטשלאנד.

(ראסטא)

אין פוילען.

א נייער גזירה.

די גראדנער צייטונג „נאשע אוטראָ" פון 4 אפרעל גיט איבער א געשפרעך, וואס דער מיטארבייטער פון דער ווארשעווער צייטונג „סיאבאדאניע סלאָוואָ" האט געהאט מיט'ן פארוואלטער פון דער קאמיסיע וועגען די ענינים פון די היימלאזע וועגען דער פראגע וועגען ארויסשיקען די אויסלענדער פון ווארשע: „אלע די, וואס זייען ניט געבוירען געווארען אין די גרענצען פון פוילען דארפען זיך אומבאדינגט רעגיסטרירען. אזעלכע פערזאנען וועלען באקומען אנ' ערלויבניש צו וואוינען אין ווארשע אין פארלויף פון דריי מאנאטען. אין דער צייט וועט דער סיים אויסארבייטען א געזעץ וועגען אונטערטעניגערשאפט. די פערזאנען, וואס האבען געוואוינט אין ווארשע ביז דער מלחמה, דארפען באקומען פון די פארוואלטער פון די הייזער, אין וועלכע זיי האבען געוואוינט פאר דער מלחמה, א באשטעטיגונג, און דאן וועלען זיי באקומען דאס רעכט צו וואוינען אין ווארשע (אין פארלויף פון דריי מאנאטען). די פערזאנען, וואס האבען ניט געהאט געוואוינט אין ווארשע, וועלען נאר אין באזונדערע פאללען באקומען ערלויבנישען אויף צו וואוינען אין ווארשע.

די פוילישע צייטונג „דזענניק נאַראָדאָווי" מעלדעט נאך וועגען דעם: די דעפוטאטען פון סיים הארטגלאס און הירשהארן האבען זיך געווענדעט וועגען דער פראגע צום אינערן-מיניסטער וואיצעכאווסקי, וועלכער האט זיי ערקלערט, אז ער האט גארניט געגען דעם, אז די פערזאנען, וואס האבען געוואוינט אין פוילען ניט ווייניגער פון [illegible] יאר, זאלען בלייבען אין ווארשע. דער מיניסטער האט זיי אפגעשיקט צום ה' גאוראנאווסקי, דעם פארוואלטער פון דער צענטראלער רעגיסטראציאנס-ביורא. דער לעצטער האט זיי ערקלערט, אז אלע, וואס האבען דא געוואוינט פאר דער מלחמה, וועלען באשטימט ניט ארויסגעשיקט ווערען פון ווארשע. די פערזאנען, וועלכע האבען אויף דער צייט פון דער מלחמה ארויסגעפארען פון ווארשע און האבען זיך איצט אומגעקערט, דארפען איצט בעטען וועגען אנ' ערלויבניש צו בלייבען אין ווארשע. דערביי [illegible] וועלען די אידען, וואס שטעלען צו פון דער אידישער גמינע א באשטעטיגונג, אז זיי זיינען געמשפט געווארען פונ'ם געריכט, ניט ארויסגעשיקט ווערען פון ווארשע.

(בעלאראסטא)

רוסלאנד און פוילען.

דער צענטראל-קאמיטעט פון דער פוילישער סאציאליסטישער פארטיי (פ. פ. ס.) האט איבערגעשיקט דעם צ. ק. פון דער רוסלענדישער קאמוניסטישער פארטיי דאקומענט, וואס פארמולירט די פאזיצי

פון די ה. פ. ס. בנוגע די רוסיש-פוילישע באַציהונגען אין דעם דאקומענט זאָגט זיך:

1. [illegible] די פולע אומאפהענגיקייט פון [illegible] פוילישער רעפובליק אלס א [illegible] פאר'ן ערפאלג פון אונזער קלאַסן-[illegible] פאר'ן סאציאליזם. יעדער פרוב [illegible] ארמיי [illegible] פארנעמען פוי-[illegible] אין די פוילישע [illegible] אין מיר וועלען ארויס-[illegible] מיט דער גאנצער קראַפט.

2. [illegible] פון דער [illegible] זיך [illegible] פוילען. אזא [illegible] דער אקט, וואר [illegible] געוואָרען א [illegible] אין פוילען [illegible] האבען קאנגרעס אויף דעם. אז די [illegible] אין [illegible] ליק-[illegible].

3. [illegible] די גרעניצען פון דער [illegible] רעפובליק [illegible] מיר לע-[illegible] באשטימונג [illegible] באפעלקערונג. [illegible] לעבט אויף [illegible] וועלכע עס געהט [illegible] פלאן אין [illegible] מיר באשטע-[illegible] פון די ערטער זאלען [illegible] די פרעמדע מיליטער [illegible] ווערען די פאלקס-[illegible] פוילישער פריי-[illegible] אויסגעדריקטע [illegible] ארבייטער-קלאס פון ליטע [illegible] זיך מיט רוסלאנד [illegible] פעדעראציע האלטען מיר [illegible] עס איז ניט געווען [illegible] אפשטימונג.

[illegible]

[illegible] אוקראינע.

[illegible] אפריל. אויף דער זיצונג פון [illegible] צ. א. ק. האט דער [illegible] פאר ערנעהרונג שליכ-[illegible] פלאן פון [illegible] מיתרות [illegible] פון [illegible] געווען [illegible] האבען [illegible] צ. א. ק [illegible] ערנעה-רונג [illegible].

(ראסטא)

דער אנטאנטישער [illegible] בײַ אָדעס.

קיעוו, 12 אפריל. די פראנצויזן [illegible] ניט אויף די 112 טראנספארטען מיט סחורות, וואס זיי האבען פארכאפט אין אדעס אויף דער פראגע, וואס אונזער רעגירונג האט געשטעלט דעם פראנצוי-זישען [illegible] אודעס [illegible] האט דער [illegible] אז דער ים איז פריי [illegible] אויף דער פראגע: אויב איהר [illegible] איז פריי פאר אלע-[illegible] אונז ניט שטעלען די [illegible] פארבינדונג [illegible] וואס זענען שוין פאר [illegible] פון [illegible] אוקראינע,—האט [illegible] ניט געגעבען קיין ענערגישען ענט-[illegible] ד [illegible] האט ענערגיש פראטעסטירט [illegible] די מעשים פון די [illegible] מאכט, וועלכע זענען [illegible] נאך אויף ראפירען.

פון אוקראַינישען פראָנט.

קיעוו, 13 אפריל. ביים פארנעמען פראסקוראוו האבען מיר פארכאפט: 170 גאנצע הארמאטען. אין ראווגער ר[illegible]ג, פון פראסקוראווער זייט האבען מיר פאר-נומען די שטאט איזאסלאוול, מיר האבען גענומען 500 געפאנגענע אין דער זעלבער ריכטונג פון בערדיטשעווער זייט האבען מיר פארנומען די שטעג [illegible] באשארסא-ריסקאווא—מיראפאל. אין קאמענעץ-פאדאל-[illegible]ער ריכטונג האבען מיר פארנומען די [illegible] אין מארנאפאלער ריכ-[illegible] איז די אייזענבאן-ליניע פארנומען ביז דער סט. חארטאייזו.

(ראסטא)

איבער'ן לאנד.

די [illegible] פון די סחורות-[illegible].

לויט די [illegible] פון נארקאמפוד זענען אין מאסקווע פאר דער צייט פון די [illegible] חורות וואגאנען אנגעקומען 20 [illegible] וואגאנעס מיט ערנעהרונגס-פראדוקטען. א דריטעל פון דעם איז אנגעקומען פאר דער מאסקווער באפעלקערונג צוליב דעם, וואס עס זענען צוגעקומען נייע לאקאמאטיוון און וואגאנעס, האט זיך געהויבען די אי-בערפיהרונגס-פעהיקייט פון די אייזענבא-נען, און אויב עס וועט ווערען איינגעארדענט דער צופיר פון ברויט צו די סטאנציעס, וועלען די אייזענבאנען איבערפיהרען די זאפאסען אהן אפהאלט.

(ראסטא)

צום קאמף מיט קאלטשאקן.

מאָסקווע, 16 אפריל. דער היינטיגער נומער „פראוודא" איז געווידמעט דעם צורוף צום קאמף מיט קאלטשאקן. די צייטונג ווענדעט זיך צו די ארבייטענדע מאסען פון רוסלאנד און [illegible] דעם רויטען [illegible] געגענד און ציריק ווארפען די שווארצע [illegible] ווייט איבער'ן אוראל. אין דער צייטונג זענען אפגעדרוקט צוויי אויפרופע פון אלרוסלענדער צענטראלען ראט פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען, א רעזא-לוציעס פון די ארבייטער-ארגאניזאציעס א סך ארטיקלען און נאטיצען. דער נומער איז ארויס אין א פארגרעסערטען פארמאט.

אויף אלע מאסקווער פאבריקען און זאוואָ-דען זענען פארגעקומען מאסען מיטינגען, געווידמעט דעם קאמף מיט קאלטשאקן און דער מאביליזאציע. אין די אנגענומענע באשלוסען ווערט אונטערגעשטרעכען די [illegible] פון פראלעטאריאט צו מאכען [illegible] און [illegible] פון רוסלאנד און דערפירען צו [illegible].

דער אלרוסלענדער צענטראלער ראט פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען האט ארויסגעלאָזען א אויפרוף אויפ'ן קעפעל: „וואס וועט ברענגען קאלטשאק דעם אר-בייטער-קלאס". אינ'ם אויפרוף זאגט זיך: ארום קאלטשאקן האבען זיך פארזאמעלט די אלטע צארישע דינער, אזעלכע [illegible], געוועזענע [illegible], זשאנדארמען, פאליציימעס, אכראניקעס, גולחים א. א. א. אלע די, וואס ווילען באקומען צוריק די ערד, די קאפיטאלען, [illegible], פריווילעגיעס, וואס [illegible] קאלטשאקוצעס, וואס זאלען [illegible] רוסלאנד פון די ראטען [illegible] פארשלאגען [illegible] קלאר. זיי ווילען [illegible] די פויערים די ערד און אפ-געבען איהר די פאמעשטשיקעס, אומקערען די פאבריקען און זאוואדען די קאפיטא-ליסטען, די בעלי בתים, די [illegible] די באנ-קירען. די [illegible] זייערע [illegible] און די אלטע מאכט: די פראפעסיאנעלע פאראיינען און די פאבריק קאמיטעטען [illegible] פאר [illegible] ביז 10-12 שעה, פארקלענע-רענדיג די [illegible]; ארויסיאגען די ארבי-טער פון די [illegible] וואוינונגען, וואס זיי פארנעמען, פארמאכען אלע קלובען, ביבליאטעקען, בילדונגס-געזעלשאפטען, וואו די ארבייטער האבען אנטוויקעלט זייער קלאסען-באוואוסטזיין; צונעמען ביי די פראפעסיאנעלע פאראיינען און ארבייטער-ארגאניזאציעס זייער וואוינונגען און אפגע-בען זיי די בעלי-בתים; אוועקשטעלען די אלטע פאליציי, די זשאנדארמעריע, די אכראנקע; חרוב מאכען די ראטען און די ארגאניזאציעס, וואס זענען פון זיי בא-שאפען געוואָרען. ענדליך — אוועקזעצען אויפ'ן טראן איינעם פון די ראמאנאווס.

[illegible] דער צענטראלער ראט פון די פראפעס-סיאנעלע פאראיינען רופט אלע ארבייטער [illegible] ארויסצוטרעטען ווי איין מענש געגען די [illegible] פאמעשטשיקעס, פאבריקאנטען [illegible] גענעראלען, צעשמעטערען די [illegible] קאנטער-רעוואלוציע און איהר [illegible] אגענט—קאלטשאקן.

(ראסטא)

ביים ארויסגעבען די ברויט וועט מען אויך צו נעמען דעם צושרייבונגס-קופאָן. אויב אלזא דער, וואס באקומט די ברויט, וויל זיין צוגעשריבען צו אַנאַנדער קראָם, ניט אין דער, אין וועלכער ער באקומט היינט, דארף ער דעם צושרייבונגס-קופאן ניט אפגעבען.

— צוקער און זאלץ. די טעג וועט מען אויף די ערנעהרונגס-קארטען אויך אנהייבען ארויסצוגעבען צוקער און זאלץ. די, וואס האבען ניט די קארטען צום טאג, ווען דאס וועט מען אנהייבען ארויסצוגעבען, פארלירען דאס רעכט צו ביקומען די פראדוקטען.

— קארטאפעל. דער גאר-קאמ-ראד האט באקומען א פארטיע קאר-טאפעל. די טעג וועט אנקומען נאך א גרע-סערע פארטיע און דאן וועט מען עס אנ-הויבען צו פארקויפען.

— מאנופאקטור. דעם 23-טען אפריל עפענט דער ראט פון די ארבייטער-קאאָפעראטיוון דאס פארקויף פון די מאַנו-פאקטור און פארטיגע קליידער, וואס ער האט. אזעלכע ארטיקלען ווי ציץ, ווייס-צייג און וואל זענען אינגאנצען ניטא. אנדערע ארטיקלען זענען דא אין א באג-רענעצטער צאל.

די מאנופאקטור וועט פארקויפט ווערען אין דער געוועזענער ראשעס קראם, (הויכער מארק, הויז פון יאלאס) פון 5 ביז 9 אוונט. די פארטיגע קליידער וועלען פארקויפט ווערען אין דער געוועזענער קאנטאר פון איניגקייט, (הויכער מארק, ביילינס הויז) פון 11 ביז 3 בייטאג.

די ארדערס ווערען צוטיילט דורך די פראפ. פאראיינען. אויף יעדען ארדער פון מאנופאקטור איז דא דער נומער, די צאל פון ארשין און דער פרייז. אויף די פאר-טיגע קליידער איז קיין פרייז ניטא. די מענער און פרויען-קליידער וועלען קאס-טען פון 50 ביז 250 רובל. די קינדערשע וועלען קאסטען ביליגער.

— אפעלאציעס. די ארגאניזאציאנס אפטיילונג ביים גאָרקאָמפּראָד ארגאניזירט א אפעלאציאָנס-קאמיסיע אויף איבערצוקוקען די אפעלאציעס פון די פערזאָנען, וואס האבען ניט באקומען די ערנעהרונגס-קארטען, אויף וועלכע זיי זענען בארעכטיגט. אין דער קאמיסיע וועלען איינגעלאדען ווערען אויך פארשטעהער פון די פראפ. פאר-איינען.

די, וואס האבען ניט באקומען קיין פראָדוקטען צוליב איבעריגען פארמאליזם און פארשלעפעניש זאלען זיך ווענדען אין דער ארגאניזאציאנס-אפטיילונג (גארני, ציממער 9).

אין די ראטען-קיכען וועט איינגעפירט ווערען א אנקלאגען בוך, וואו יעדער וועט קענען אריינשרייבען די חסרונות, וועלכע ער באמערקט.

וועגען די יום טובים: דער קאמיסאר האט זיך געווענדעט מיט א ביטע אין מלוכה קאנטראל, אז ס'זאלען ניט געמאכט ווערען קיין שטערונגען אויסצו-צאלען די שכירות די ארבייטער און אנ-געשטעלטע פאר די 2 טעג פסח: 15-טען און 16-טען פאר אידען, 20-טען און 21-טען פאר קריסטען.

[illegible]

דער קאמיסאר האט אויסגעארבייט א אינ-סטרוקציע פאר דער קאנפליקט-קאמיסיע, ווי אזוי צו רעכענען זיך ביים אויסמאנען באפרידיגונג פאר ארבייטער און אנגע-שטעלטע, וואס פארלירען זייערע שטעלעס. לויט דער אינסטרוקציע דארף מען באַ-צאלען נור פאר 2 וואכען שכירות און דאס אויך נור אין דעם פאל, אויב דער אנגעשטעלטער האט ניט באקומען קיין מעל-דונג אפדיהער וועגען דעם אפזאג. די אינסטרוקציע דארף נאך באשטעטיגט ווערען פון ראט (צ. ב.) פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען.

— פאראיין-מיטגלידער. אזוי ווי אין אסך פאראיינען האבען זיך אריינגעמאכט פאר מיטגלידער אזעלכע פער-זאנען, וואס האבען אויף דעם ניט קיין רעכט (פארוואלטער, קליינע אייגנטימער, ארטעל מיטגלידער א. ז. וו.) האט זיך די ארגאניזאציאנס-אינסטרוקטארשע אפטיילונג געווענדעט צו די פאראיינען, ווי זאלען ביים אויסנעמען און איבערערגיסטרירען די מיטגלידער פאדערען פונ'ם קאנדידאט א באשטעטיגונג פון זיין ארבייטס-פלאץ.

— קינדער-ארבייט. שבת 12 ביי-טאג איז אין דער אפטיילונג פון סאציאלע פארזארגונג און ארבייטס-שוץ פארקומען א באראטונג פון פארשטעהער פון פראפעס-סיאנעלע פאראיינען און אנדערע פאראינ-טערעסירטע אנשטאלטען וועגען דורכפירען אין לעבען דעם געזעץ וועגען קינדער-אר-בייט: פארקירצען דעם ארבייטס-טאג פון מינדער יאריגע, פארבאטען די ארבייט פאר קלענערע קינדער, וועגען איינארדנען פאר זיי ספעציעלע שולען א. ז. וו.

— טעכנישע אינספעקציע. די סוב-אפטיילונג פון ארבייטס-שוץ זוכט אינזשענערען און ספעציאליסטען אויף שטע-לעס אלס טעכנישע אינספעקטארען, וואס זאלען קענען אכטונג געבען אויף די פאב-ריקען, זאוואדען א. ז. וו.

— אין ארבייטס-בירזשע. היינט ווערט זיך ווידער געעפענט די אר-בייטס-בירזשע. פאר די לעצטע 3 טעג איז די בירזשע גערייניגט און דעזינפעקצירט געוואָרען. די אנגע-שטעלטע פון בירזשע וועלען באקומען א רויט-ארמייאישען פאיאָק, מען וועט זיי ארויסגעבען כאלאטען, האנדטיכער, זייף א. א. ו. צו פארהיטען זיי פון אנשטע-קען זיך מיט דער טיפוס-קראנקהייט.

— צוליבן טיפוס. אלע דאקטוי-רים מוזען ביז 22-טען אפריל צושטעלען אין געזונדהייטס אפטיילונג די נעמען און אדרעסען פון זייערע פאציענטען, וואס זיינען קראנק געוואָרען אויף טיפוס אדער פאקען פון 15-טען ביז 21-טען אפריל. דערביי קענען זיי אנמערקען, וועלכע פון די קראנקע איז ווינשענסווערט צו לאזען אין דערהיים. דארט, וואו קיין דאקטאר האט מען ניט גערופען, מוזען עס טאן די הויז-מענשען.

אין גוביואיענרעווקאם. היינט 8 אזייגער אווענד וועט זיין א אפענע זיצונג פון גוב-ואיענרעווקאם אין דער געוועזענער גובער-נאטארס הויז. אריינגאנג אויף בילעטען, וואס מען קען באקומען אין דעם אינפאר-מאציאנס-ציממער ביי'ם אריינגאנג, ווען מען ווייזט דעם מיטגלידס ביכעל פון א פאראיין אדער פון פארטיי.

אפגעטיילט די קירך פון דער מלוכה. דער סאוונארקאם פון ליטע און ווייסרוסלאנד האט ארויסגעגעבען א דעקרעט, לויט וועלכען ס'ווערט אפגע-שאפט יעדע מין פריווילעגיע אויס'ן גרונד פון דער רעליגיע. אויף קיין דאקו-מענט טאר ניט אנגעמערקט ווערען, צו וועלכע רעליגיע געהערט דער באלאנגט. קיינער קען זיך ניט אפזאגען פון זיין בירגערליכען חוב מיט'ן תירוץ, אז זיין רעליגיע פארבאט עס איהם. אלע רעליגי-עזע שבועות ווערען אפגעשאפט. בירגער-ליכע אקטען ווערען געמאכט נאר ביי דער בירגערליכער מאכט. רעליגיעזע חברות האבען ניט קיין רעכט פון א יורידישער פערזאן. רעליגיעזע למודים קענען געלערענט ווערען פריוואט אין דערהיים, ניט אין א שול-פארם.

◆

קאָרעספּאָנדענצן.

[illegible] (מינסק. גוב.)

די [illegible] באנדעס אין [illegible].

מאָנטאג, דעם 24 מארט האט מען גע-הערט אין שטאט, אז אויף דער סטאנציע האט זיך באקומען א טעלעגראמע פון [illegible] מיט א באפעל פון דעם [illegible] ארעסטירען די באל-שעוויסטישע קאמיסארען; אין שטאט איז געוואָרען אומרוהיג, מען האט געפילט, אז אט, אט נעמט עפעס ארויסברעכען אומ-געווינליכעס.

מיטוואך אזייגער עלף איינדערפריה האט פלוצלונג ארויסגעבראכען א שיסעריי פון ביקסען; עס האט זיך אויך געהערט א פולעמיאטען-שיסעריי. ס'איז געוואָרען א שרעקליכער טומעל, מענשען זענען געלאָ-פען הער-וואוהין. אזוי האט עס געדויערט ביז 4 נאכטטאג, ווען ס'איז אביסעל שטי-לער געוואָרען.

אויף די גאסען האבען זיך באוויזען פלאקאטען, אז די ראטען-מאכט האט די שטאט פארלאָזען. אז די מאכט [illegible] דומע און דערווייל צום פארזיצער [illegible] שטאָב.

פון האמעל האט זיך באקומען א בא-גריסונגס-טעלעגראמע. עס איז אויסגע-וועהלט געוואָרען א ציוויל-פעליגער קאמי-טעט. א סך קאמוניסטען האט מען ארעס-טירט; שפעטער האט מען א טייל פון זיי ארויסגעלאָזען. געבליבען זיצען זענען דערהויפט די קאמוניסטען-אידען.

דאנערשטאג איז ארויס א באפעל, מען זאל עפענען אלע געשעפטען און מען זאל צוטרעטען אין אלע אנשטאלטען צו דער ארבייט. נאר-נאך ניט אלע האבען באוויזען צו עפענען די געשעפטען, זענען זיי שוין ציריק פארמאכט געוואָרען, ווייל... עס האט זיך שוין געפיהלט א פאגראם-שטימונג, מען האט שוין געפרובט נעמען סחורות אהן [illegible]

[illegible]

אין עשלאָן נאָכ'ן צווייטען. א זייגער 12 האט זיך אנגעהויבען א פאגראם. גרופעס-ווייז, צו פינף מאן, איז מען געגאנגען איבער די הייזער און געראבירט. די נאכט פון שבת אויף זונטאג איז די אידישע באפעלקערונג געזעסען אין [illegible]. זונ-טאג, איינס א זייגער בייטאג איז אין שטאט אריין די ערשטע ראטע פון דער רויטער ארמיי און שטאט איז ווידער רוהיג געוואָרען.

אפטרעטענדיג פון אונזער שטאט, האבען די אזוי גערופענע „רעפובליקאנער", אוועקגעפיהרט מיט זיך זיי אלע ארעסטיר-טע קאמוניסטען, וועלכע זענען געוועזן ארעסטירט.

איניגע קריסטען האבען זיי געגעבען די אמת'ע קלעפ און מען האט זיי אפגע-לאָזען. די אידען: קאזאווסקי, קושערמאן און פאליי האבען זיי געהרג'עט און ארויס-געווארפען פון די וואגאנעס. זונטאג איז מיט גרויס פייערליכקייט פארגעקומען זייער לויה.

מחמת דעם גרויסען מאנגעל אין ערנעה-רונגס-פראדוקטען אין אונזער שטאט האט דער היגער רעווקאם צייטווייליג ערלויבט פריי האנדלען מיט אלע פראדוקטען, אפילו מיט נארמירטע. מען קען אריינפירען קוי-פען און פארקויפען, נור ניט ספעקולירען. אויב מען וועט טרעפען א ספעקולאנט וועט מען איהם אויפ'ן ארט שיסען.

היינטיגען שבת איז ביי אונז פארגע-קומען א בונדישע פארזאמלונג, וואו דער חבר [illegible] האט געהאלטען א פארטראג איבער דער בונדישער [illegible] קאנפע-רענץ.

דער פרעזידיום פון אלע שטאטישע פראפ. פאראיינען האט באשלאסען צו עפע-נען דא א שטאטישען ארבייטער קאאפע-ראטיוו. עס איז אויסגעוועהלט געוואָרען א קאמיסיע, וועלכע איז צוגעטראטען צו דער ארבייט.

ב. א.

סוועציאַני, (ווילנער גוב.)

ה. אבראשע ברומבערג.

דאָנערשטאג, דעם 13 מארץ איז גע-[illegible] 24 יאר [illegible] מיטגליד פון „בונד", דער חבר אבראשע ברומבערג.

דער חבר אבראשע איז געווען באליבט ניט נור צווישען די אידישע ארבייטער-מאסען, נור אויך צווישען די קריסט-ליכע.

מען האט ביי אונז אין שטאט אין דע-קאבער געקליבען דעם ארבייטער-ראט, הא-בען אלע ארבייטער אהן אונטערשייד אויס-געקליבען דעם ח. אבראשע.

מיט זיין טויט האט אונזער ארגאני-זאציע פארלארען איינעם פון די בעסטע און באליבסטע טוער.

אנשטאט א קראנץ אויף זיין קבר האט דער קאמיטעט פון „בונד" צונויפגעקליבען געלד אויס'ן פרעסע פאנד (פאר'ן „וועקער" און „אונזער שטימע"). פאר א טייל פון די געלד האט מען פורים געטיילט אין פאלקס-קיך פאר ארבייטסלאזע אומזיסטע מיטא-גען, און איינער פון די חברים האט [illegible] האט געשילדערט זיין לעבען.

שלאף רוהיג, טייערער חבר! אין זכרון פון די אָרימע שיכטען וועסטו בלייבען אייביג.

דער סוויענציאנער קאמיטעט
פון „בונד".

סעדלעץ.

מיר האבען באקומען פון סעדלעץ פאל-גענדען בריוועל, וועלכען די ארטיגע חברים האבען אונז צוגעשיקט דורך א רו-סישען קריגס-געפאנגענעם.

... ביי אונז איז די לאגע זעהר א שלעכטע. מען דערלאזט ניט קיינע פאר-זאמלונגען. מען שטיקט אונז. אין מעזע-ריטש איז געווען א פאגראם; 100 אידען זענען געפאלען. אין ביאלע איז דעם 2 מארט געווען א פינסטערע נאכט, ווי די פאליאקען רופען עס. דערביי זענען געווען 18 הרוגים.

אונזער'ן בריוועל זיינען אונטערגעשרי-בען 7 חברים.

טעלעגראמען.

אידישע פאגראמען.

בערלין, 13 אפריל. די אידישע פאגרא-מען אין פוילען הערען ניט אויף. באזונ-דערס שרעקליך איז געווען דער פאגראם אין קאליש. נאכדעם, ווי דער מיניסטער וואיצעכאָווסקי האט פערזענליך אויסגע-פארשט די קאלישער געשעהענישען האט דער קאמיסאר פון דער ארטיגער פאליציי געמוזט זיך אפזאגען פון זיין פאסטען.

א אויפשטאנד פון די ספארטאקאוצעס אין דרעזדען.

נויען, 14 אפריל. נעכטען בייטאג איז אין דרעזדען פארגעקומען א גראנדיעזע דעמאנסטראציע פון סאלדאטען, אין וועל-כער עס האבען אנטייל גענומען א גרויסע מאסע פון דער ציוויל-באפעלקערונג. די דעמאנסטראציע איז צוגעגאנגען צו דער געביידע פון קריגס-מיניסטעריום. — דער קריגס-מיניסטער נייערינג האט זיך אפגע-זאגט אויפצונעמען די דעפוטאציע, צוליב דעם ווייל אין איהר זענען געווען קאמו-ניסטען. אין אנהויב האט זיך איינגעגעבען עפעס אפצושטופען דעם המון. נאר באלד האט ער זיך ווידער צונויפגעזאמעלט און איז אריינגעדרונגען אין דער וואוינונג פון מיניסטעריום. דעם מיניסטער נייערינג האט מען ארויסגעפירט אויפ'ן גאס. וואו ער געפרובט האלטען פאר המון א רעדע. נאר מען האט איהם ניט געלאָזען רעדען. דער המון האט איהם אוועקגעפירט אויפ'ן בריק און אריינגעווארפען אין דער עלבע. מיט גרויס מיה האט זיך איינגעגעבען פונאנ-דערצוטרייבען דעם המון און אויפשטעלען די ארדנונג. עס איז קיין ספק ניט, אז אין די נאהענטסטע טעג דארף מען ערווארטען גרויסע צוזאמענשטויסען, ווייל די ספארטא-קאוצעס האבען פארכאפט דעם טייל פון דרעזדען, וואס ליגט אויפ'ן רעכטען ברעג פון דער עלבע, וואו אומעטום זענען פו-נאנדערגעשטעלט פולעמיאטען. דערביי גע-פינט זיך דער לינקער ברעג פון דער עלבע אין די הענד פונ'ם רעגירונגס-מיליטער. פון די איבעריגע אינדוסטריעלע צענטרען פון זאקסען און פון לייפציג, זענען ניט אנגעקומען קיין שום באונרוהיגענדע ידיעות.

(ראסטא)

רעדאקטאר-ארויסגעבער

מ. פרומקינא-וויכמאן (אסתר)

צו דער חתונה פון אונזערע פריינד און חברים

באשקע ריפס

און

מאטקע שאפירא

ווינשען מיר פיל גליק

ח"ה סאנאלאָוויטש

מ. פיקס

לאָקאל פון גראבער קריב פרייהייטס פלאץ 4.

מיטינגען און פערזאמלונגען.

ארגאניזירט פון מינסקער קאמיטעט פון „בונד".

פרייטאג, 18 אפריל 8 אין אווענד

א פארטראג פון דעם **ח' וויינשטיין**

וועגען דעם [illegible] צוזאמענפאר פון דער קאמוניסטישער פארטיי. אריינגאנג פריי פאר מיטגלידער פון „בונד" און מיטפילערס.

שבת, 9 אפריל 8 אזייגער אין אווענד.

א פארטיי-פארזאמלונג

וועגען 1) פארטיי דיסציפלין און 2) דער רויטער ארמיי.

זונטאג 20 אפריל 8 אזייגער אין אווענד.

א פארטיי-פארזאמלונג

וועגען אונזער טאקטיק אין דער ארבייטער קאאפעראטיווער באוועגונג.

מאנטאג 21 אפריל 4 אזייגער אווענד

א ארבייטער-מיטינג אויף דער טעמע:

„פון וואנען שטאמט די געפאר און ווי קעמפט מען געגען איהר".

רעדנער די חברים: וויינשטיין ארטער רומאנאָוו, ה. גארעליק.

אידישע סאָצ.-דעמ. ארבייטער פארטיי „פועלי-ציון"

די וואָך פון פאַלעסטינער ארבייטער-פאָנד

פרייטאג, 18 אפריל, 9 אין אווענד, וועט פארקומען אין לאָקאל פון קלוב אויף ב. בּאַראַבּאַנאָוס נאָמען, באַגאַדעלנע 59/34.

א פייערליכע פארזאמלונג פון מינסקער ארגאניזאציע

געווידמעט דער וואָך פון פאַלעסטינער ארבייטער-פאנד און דעם 2 יעריגען יובילֵיי פון מינסקער ארגאניזאציע.

אלע חברים מוזען אומבאדינגט קומען.

אריינגאנג נאר דורך מיטגלידס-קארטען.

די פארוואלטונג פון פראפעסיאנעלען פאראיין פון די

האַנדעלס-אנגעשטעלטע

מעלדעט, אז דינסטאג דעם 22 אפריל 4 א זייגער בייטאג וועט פארקומען אין אינטימען טעאטער (געוועזענער זאל פאריז).

אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער פון פאראיין

טאג-אָרדנונג:

1) דער 2-טער אלרוסלענדער צוזאמענפאָר פון די האנדעלס-אנגעשט: עלטע אין מאסקווע, 2) וואלען ארויס'ן צוזאמענפאר. אלע מיטגלידער זיינען מחויב קומען פינקטליך. אויב צו דער באשטימטער צייט וועט ניט קומען די נויטיגע צאל מיטגלידער, וועט די פארזאמלונג פארקומען 5 אזייגער רעכענען זיך פאר געזעצליך בײַ יעדער צאל מיטגלי-דער. אריינגאנג מיט מיטגלידס-קארטען.

די פארוואלטונג.

עס זיינען פאַרלאָרען געגאַנגען

פאלגענדע דאקומענטען אויס'ן נאמען פון לודוויג איוואנאָוויטש קאָסטראָווסקי: 1) א פערזאָן-אויסווייז ארויסגעגעבען פון דעם פארוואלטער פון דער 4-טער אפטיי-לונג פון דער ליבוי-ראָמנער אייזנבאן, 2) א צייגניש וועגען אייזנבאן-דינסט, אלס א מיליטער-פליכטיגער.

מ ו ד ע ה.

צוליב דעם, וואס די פראָפ. פאראיינען ווערען רעארגאניזירט אויף פראדוקציאנס-יסודות און צוליב דער נייער רעגיסטראציע פון די מיטגלידער פון די פאראיינען: [illegible]

[illegible]

דער באַראַנאָוויטשער קאמיטעט פון בונד

[illegible] אלע מיטגלידער [illegible] רעגיסטראציע [illegible] פון 5 ביז 8 אווענד. [illegible]

אין באַראַנאָוויטש קען מען באקומען דעם וועקער בײַ ל. [illegible] 33.

מינסקער לעבן

— א רעגיסטראציע. אלע בירגער פון 4 ביז 45 יאר אלט סיי די וואס האבען געדינט, סיי די, וואס זענען באפרייט געוואָרען צוליב קראנקהייט, דארפען זיך [illegible] 1876 [illegible] 1874 [illegible] 1873 [illegible] 24 [illegible]

דורך די הויז-קאמיטעטען, פאבריק און זאוואד-קאמיטעטן און די אינשטאל-טען, וועט מען קאנטראלירען. אויב די אלע באַרעכטיגטע [illegible]

ייוואָ אַרכיוו
C1981
ייוו"א אַרכיוו

פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניגט זיך!
פּרייז 1 רובל.
רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער-פּאַרטיי — אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער „בונד"

דער וועקער

צענטראַל-אָרגאַן פון „בונד" אין ראַטן-רוסלאַנד
ערשיינט דריי מאָל אַ וואָך אין האָמעל
פּרייז פאַר אַבאָנעמענט: אין האָמעל 20 ר. אַ חודש, אויסער האָמעל 25 ר. אַ חודש.
אַדרעס פון רעדאַקציע
ראָג באַזאַרנע און סאָוועטסקע נומער 3.
№ 646
האָמעל, מיטוואָך דעם 25-טן פעווראַל 1920

פון דער רעדאַקציע.

צוליב טעכנישע סיבות קומט די לעצטע צייט אויס דעם „וועקער" אָפט זיך פאַרשפּעטיקן און צו ערשיינען ווייטער ניט רעגולער. די רעדאַקציע נעמט אָן אַלע מיטלען צו באַזייטיקן די דאָזיגע סיבות.

די XII קאָנפערענץ פון „בונד"

וואָס איז באַשטימט געווען אויפן 4-טן מערץ ווערט אָפּגעלייגט אויפן 3-טן אַפּריל (דער ערשטער טאָג פּסח).

אַלע אָרגאַניזאַציעס זיינען מחויב דרינגענדיג מודיע זיין דעם צ. ק. וועגן דער צוגרייטונגס-אַרבעט צו דער קאָנפערענץ.

פון דער קאָנטאָר.

מיר בעטן אַלע אָרגאַניזאַציעס און חברים באַ וועמען עס געפינען זיך די נומערן 636, 637 און 641 פון „דעם וועקער" גלייך צושיקן זיי אין קאָנטאָר פון „וועקער", האָמעל, באַזאַרנע גאַס 3.

אונזער גרוס.

די לעצטע צייט הייבן אָן אָנצוקומען צו אונז בריוו פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען אַ לאַנגע צייט געווען אָפּגעריסן פון אונז. ריגע, וואונדערבאַרע בריוו זיינען דאָס. זיי וואַנדערן לאַנג, לאַנג, ווייל אין די באַפרייטע פונקטן איז נאָך ניט אין גאַנצן אַלץ איינגעאָרדנעט, ווייל ס'איז שלעכט דער טראַנספּאָרט. אָבער מיר זעהען פון די דאָזיגע בריוו, אַז דער „וועקער" און דער „ראַבאָטשי גאָלאָס" דערגרייכן אויך אַהין, כאָטש מיט [illegible] ווייטע, די אָפּגעריסענע חברים פילן זיך איינס מיט אונז, לעבן מיט אונזער לעבן, שטרעבן צו פאַרבינדן זיך מיט אונז וואָס גיכער.

אומעטום דאָס זעלבע בילד — שרעקליכע יסורים, פאַרפאָלגונגען, פּאָגראָמען אויף אידן און אויף אַרבעטער. אונזערע אָרגאַניזאַציעס פאַרטריבן אונטער דער ערד — און דאָך, ווי אין קאַמף, געהיט און געשאַנעוועט די אַלטע פאָן און דעם אַלטן שטעמפּל, געוואַרט אויף בעסערע צייטן, און דערוואַרט זיך, דערוואַרט זיך אויף באַפרייאונג, אויף פאַראייניגונג מיט ראַטנרוסלאַנד און מיטן גאַנצן „בונד".

פון די שטעט פון אוקראַינע, פון יענער זייט וואָלגע, פון די שטעט, וואָס האָבן געליטן פון מאַכנאָ-שקוראָ-אַנגריף ([illegible]) — פון אומעטום טראָגן זיך איצט צו אונז גרוסן, אַז ס'קומען פאָר נייע פּאַרטיי-פאַרזאַמלונגען, איבערעגיסטראַציעס, וואַלן פון צייטווייליגע ביוראָ'ען און קאָמיטעטן.

מיר גריסן הארציק אַלע ווייטערע פאַראייניגטע חברים. מיר וואַרטן מיט אונגעדולד, זיי זאָלן אַלע שיקן זייערע דעלעגאַטן אויף דער קומענדיגער קאָנפערענץ, מיר וועלן דאָרט קאָנען צוזאַמען אויסאַרבעטן אונזער פּאַרטיי-ליניע און באַשטימען אַלע פראַגן, וואָס שטייען פאַר אונז.

זייט געגריסט, ניי געפונענע ברידער!

צו אונזער פּאַרטיי-קאָנפערענץ.

שטרייט-פראַגן.

דיסקוסיאָנס-אַרטיקל. (פאָרזעצונג).

אָבער לאָמיר לאָזן אָן אַ זייט די פאַרשיידענע נביאות. די פראַגע איז וועגן דעם סך-הכלן רעזולטאַט פון דער רוסישער רעוואָלוציע. פאַר אונז איז איצט חשוב אַן אַנדער פראַגע: ווער, ד. ה. וועלכע סאָציאַלע גרופּעס האָבן געקאָנט זיין אין רוסלאַנד די טרעגער פון דער רעוואָלוציע, ד. ה. די טרעגער פון דער רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור, וואָס איז נויטיג געוואָרן אין רוסלאַנד?

דאָס האָבן צוליב די באַזונדערקייטן פון דער רוסישער געשיכטע ניט געקאָנט זיין ניט די קאַפּיטאַליסטיש-בורזשואַזע עלעמענטן און ניט די פּויערים גופא*) נור דער שטאָטישער פּראָלעטאַריאַט, ד. ה. זיין רעוואָלוציאָנערער טייל, די רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ און אַ קלענערער טייל פון די מער אַנטוויקלטע פּויערים.

דאָס איז געווען קלאָר פאַר אַלעמען, סיי פאַר די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן געשטרעבט גלייך צו אַ סאָציאַליסטישער איבערקערעניש, סיי פאַר אונז, די אינטערנאַציאָנאַליסטן, וואָס האָבן אַלס ערשטע שטופּע אָנגענומען די קליינבירגערליך-פּויערשע דעמאָקראַטיע. מיר האָבן ווייטער ניט פאַרשטאַנען, אַז די פּויערשע דיקטאַטור, די פאַרבאַרייטונג פון דער פּויערשער הערשאַפט וועט אויך געמוזט געמאַכט ווערן מיט פרעמדע, ניט פּויערשע הענט, מיט די הענט פון אַרבעטער און אינטעליגענטן. דאָס זיינען אין רוסלאַנד געווען די איינציגע עלעמענטן, וואָס האָבן געקאָנט אָרגאַניזירן אַ רעוואָלוציאָנערע מאַכט. גאַנץ גלייך, וועלכע אויסגאַבן מען זאָל איר ניט שטעלן.

פון דעם שטאַנדפּונקט איז אונז געווען קלאָר, אַז אַלע לאָזונגען פון די באָלשעוויקעס וועגן די מאַכט פון ראַטן, ראַטן-רעפּובליק וכדומה זיינען ניט מער ווי אַ באַזונדערע פאָרם, אַ באַוואוסטע אָדער אומבאַוואוסטע פאַרדעקונג פאַר דער זעלביגער דיקטאַטור, דער איינציגער מעגליכער אין רוסלאַנד דיקטאַטור פון ניט גרויסע שיכטן רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, פּויערים און אינטעליגענטן. נאָר מיט דעם אונטערשייד, אַז זייער דיקטאַטור, ד. ה. די „ראַטן-דיקטאַטור" וועט אפילו אַט די אַלע עלעמענטן אויך ניט אַרומנעמען און וועט זיין די דיקטאַטור נאָר פון איין טייל פון די דאָזיגע עלעמענטן, ד. ה. פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. „די גאַנצע מאַכט די ראַטן" — האָט [illegible] באַדייט: „די גאַנצע מאַכט די באָלשעוויקעס". דאָס האָבן מיר געהאַלטן פאַר שעדליך. דאָס איז געווען פאַר אונז אַ צו שמאָלער פונדאַמענט, און דעריבער זיינען מיר אַרויסגעטראָטן קעגן דעם דאָזיגן לאָזונג פאַר אַ פאַראייניגונג פון אַלע רעוואָלוציאָנערע כוחות, פאַר אַ דיקטאַטור פון דעם גאַנצן סכום סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע כוחות, וואָס זיינען יעמאָלס פאַראַן געווען אין רוסלאַנד.

דעריבער זיינען מיר געווען געגן, און ניט צוליב טעאָרעטישע ספקות וועגן דעם פּרינציפּ פון ראַטן-מאַכט וכדומה.

און פאַקט דעריבער זיינען די באָלשעוויקעס געווען פאַר דעם ראַטן-פּרינציפּ, און ניט ווייל זיי האָבן זיך ענטוישט אין דעמאָקראַטיע.

מער אָפענע און עהרליכע באָלשעוויקעס, ווי למשל [illegible], דער ערשטער פאָלקס-קאָמיסאַר פון דערנערונג, האָבן דאָס אָפן צוגעגעבן נאָך אין די יולי-טעג 1917. „די גאַנצע מאַכט די ראַטן — האָט ער אונז יעמאָלס געזאָגט — ווערט באַדייטן, אַז 24 שעה וועט איר זיין באַ דער מאַכט, און אויפן צווייטן טאָג וועט די גאַנצע מאַכט ליגן אין אונזערע הענט".

אָבער צו וואָס דאַרפן מיר איצט, אין פעווראַל 1920 די עדות פון באָלשעוויקעס פון 1917 יאָר.

צווישן אונז, און ניט נאָר צווישן אונז, נאָר אין גאַנץ רוסלאַנד איז ניטאָ קיין איין-איינציגער דענקענדער מענש, וואָס זאָל איצט ניט האָבן איינגעזען, אַז די ראַטן אַלס ראַטן האָבן אפילו קיין איין איינציגן טאָג ניט עקזיסטירט אַלס אָרגאַנען פון ווירקליכע מאַכט. די אמת'ע דיקטאַטאָרן זיינען די גאַנצע צייט, און איצט נאָך מער ווי פריהער, געווען די אָרגאַניזאַציעס פון דער באָלשעוויסטישער, אָדער ווי מ'רופט איר איצט, דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די דיקטאַטור פון ראַטן האָט זיך אויסגעלאָזן אַלס דאָס, וואָס זי האָט אָביעקטיוו געמוזט זיין, ד. ה. אַלס די דיקטאַטור פון איין רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. די רוסלענדישע רעוואָלוציע האָט זיך אין אַזאַ דיקטאַטור גענויטיגט און זי האָט איר געקראָגן. אין דער [illegible] די דיקטאַטור פון יאַקאָבינער, וואָס האָבן געווירקט פאָרמעל דורך גרינדונגס-פאַרזאַמלונג און פּאַרלאַמענט (קאָנווענט). אין דער רוסישער רעוואָלוציע — די דיקטאַטור פון באָלשעוויקעס, וואָס האָבן פאָרמעל געווירקט דורך ראַטן, ראַטן-[illegible].

פאַרשיידענע פאָרמען — דער גלייכער אינהאַלט. און אויב אין רוסלאַנד וואָלט געווען אַ גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, וואָלט סיי ווי סיי געווען (אפילו באַ דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג) אויך אַ רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור, און פאַקט פון די זעלביגע עלעמענטן ווי איצט, אמת אין ברייטערן מאָס, אויף אַ ברייטערן יסוד*).

ג.

לכן — זיינען די וכוחים וועגן ראַטן-פּרינציפּ און דעמאָקראַטיע, היסטאָריש באַטראַכט, גאָר איבעריג. פּאָליטיש וויכטיג איז אַן אַנדער פראַגע. ווי לאַנג מוז נאָך און דאַרף נאָך דויערן די דיקטאַטור אין איצטיגער פאָרם? צי איז זי נאָך אָביעקטיוו נויטיג, און צי איז זי שוין ניט געוואָרן אַ שטערעניש פאַר דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע? און פאַר אונז, סאָציאַליסטן, איז נאָך וויכטיגער די פראַגע: צי איז די איצטיגע דיקטאַטור פעהיג — און פאַקט מיט וועלכע קרבנות פאַרן אַרבעטער-קלאַס — צו פאַרווירקליכן די סאָציאַליסטישע שעפערישע אַרבעט, וואָס איז נויטיג אין לאַנד?

די אויסבויאונג פון דער דיקטאַטור, די נייע פאָרמען פונם מלוכה-לעבן, וואָס זיינען איצט נויטיג — אַט דאָס דאַרף בילדן איצט דעם צענטער פון אַלע דיסקוסיעס און שטרייטן.

קאַרל ראַדעק, איינער פון די בעסטע קעפּ פון דעם רוסישן און אינטערנאַציאָנאַלן באָלשעוויזם, האָט די טעג, קומענדיג צוריק פון בערלינער טורמע געזאָגט אויפן III צוזאַמענפאָר פון די סאָוונאַרכאָזן":

„די רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור פון אַ קלאַס איז שטענדיג די דיקטאַטור פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי פון דעם דאָזיגן קלאַס. און דערביי פרעגט די פּאַרטיי קיינמאָל ניט, צי זי האָט די אַריטמעטישע מערהייט פון פאָלק הינטער זיך*). אונזער דיקטאַטור איז געווען די דיקטאַטור פון איין טייל פון דעם אַרבעטער-קלאַס איבער דעם אַנדערן טייל פון דעם פּראָלעטאַריאַט און איבער די פּויערים. דאָס איז געווען נויטיג און ריכטיג, און דאָס האָט געקאָנט באַשטיין אַזוי לאַנג, ווי לאַנג עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן צעברעכן די רעסטן פון דער אַלטער אָרדנונג, וועגן צעשטערנדע אַרבעט. איצט אָבער דאַרפן מיר האָבן שעפערישע סאָציאַליסטישע בויאונג, און דאָס קען מען ניט טון אָן די זעלבסטטעטיגקייט, די אַקטיוויטעט (*„самодеятельность"*) פון די ברייטע מאַסן". ח' ראַדעק האָט פון זיין אינטערעסאַנטן געדאַנק ניט געמאַכט קיינע שום פּאָליטישע אויספירונגען. און די צייטונגען האָבן, ברענגענדיג זיין רעדע, דווקא אָט דעם אָרט אַרויסגעלאָזן*).

אָבער פאַר אונז איז ער זייער וויכטיג. ער באַווייזט, אַז דער באָלשעוויזם, קומענדיג אין אייראָפּעישע באַדינגונגען און צופּאַסנדיג זיך צו זיי, הויבט אָן צו פאַרשטיין יענעם אמת, וועלכן מיר האָבן די גאַנצע צייט געהאַלטן פאַרן וויכטיגסטן.

(סוף קומט).

ר. אַבראַמאָוויטש.

---

*) דאָס האָט באַזונדערס שאַרף אונטערשטריכן אין 1905-6 יאָר פּאַרוואַס און זיין תלמיד טראָצקי.

*) כ'וויל דאָ ניט באַטראַכטן אויספירליכער דעם סאָציאַלן כאַראַקטער פון דער דאָזיגער דיקטאַטור אין איר פּראָגראַם, איר ריכטונג. דאָס וואָלט, נאָך אונזער מיינונג, געווען אַ דיקטאַטור פון פּויערים און אַרבעטער (כ'מיין [illegible] דעם אינהאַלט, ניט די פּערזענליכע טרעגער פון מאַכט) אויפן גרונט פון אַ קאָמפּראָמיס-פּראָגראַם, אַזאַ דיקטאַטור, וואָס וואָלט געקאָנט זיין אַן אמת'ע דיקטאַטור פון דער מערהייט, ד. ה. נאָך וועלכער די מערהייט וואָלט געגאַנגען מיטן גאַנצן ווילן. אַ דיקטאַטור, וואָס וואָלט אויך ניט צעשפּאַלטן דעם אַרבעטער-קלאַס און וואָלט אים געבן די מעגליכקייט איינינג און געשלאָסן, מיט ניט געבראָכענע און אָפּגעשוואַכטע כוחות שטיין אויפן וואַך פון זיינע סאָציאַליסטישע אידעאַלן.

*) ס'איז, פאַרשטייט זיך, לעכערליך אַזוי אויסצודריקן די פאָדערונג פון דעמאָקראַטיזם. אַזעלכע אַריטמעטישע דעמאָקראַטן זיינען געווען אפשר נאָר איינצעלנע מענשן. פאַר אונז האָט זיך די זאַך געהאַנדלט וועגן דעם, אַז הינטער דער מאַכט זאָל פרייוויליג קענען גיין די מערהייט פונם פאָלק.

*) אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ראַדעק נאָך פיל אויספירליכער ווידערהאָלט זיינע געדאַנקען אויף דער פייערליכער זיצונג פונם מאָסקווער ראַט, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אום אים מקבל פּנים צו זיין. אָבער די רעדע איז ווידער ניט אַריין אין די צייטונגס-באַריכטן!

פון יענער זייט גרעניץ.

אַרעסטירטע פון ווייסרוסלאַנד אין וואַרשעווער ציטאַדעל.

אין וואַרשעווער ציטאַדעל האָט מען געבראַכט פון געפאַנגענעם לאַגער אין שטשאַלקאָוו פאָלגענדע 7 אידן: ברוך גורעוויטש, פון ראַבשויץ מינסק. ג. לייבע חיינער פון מינסק, יוסף גאַרעליק פון באָבּרויסק, לייב פּורים פון מינסק, אליהו מאַראַשקוק פון ווילנע, לייב ברענער פון נאָוואָגרודעק און יצחק אַ.לער פון בריסק.

„די שטימע פון אמת".

אונטער דעם נאָמען טרעט דר. ל. ס. פאַסטאַניק אַרויס אין בורזשואַזע פּאַריזער אָרגאַן („אָבּשטשעיע דעלאָ") קעגן דעם אַנטיסעמיטישער העצע, וואָס ווערט געטריבן אין דער פרייוויליגער אַרמיי און בכלל צווישן דער רוסישער אינטעליגענץ. באַזונדערס שאַרף פאָלעמיזירט פאַסטאַניק מיט שולגינס העצעריי און מיט זיינע פאָדערונגען, אַז די אידן זאָלן ווירקן געגן זייערע באָלשעוויקעס, אַז די אידן זאָלן קעמפן קעגן סאָציאַליזם און אַזוי ווייטער. פאַסטאַניק ווייזט אויף די לעכערליכקייט פון אַזעלכע טענות און באַטאָנט, אַז די העצעריי און פּאָגראָמען פאַרשטאַרקן דעם באָלשעוויזם און ברענגען דעם גרעסטן שאָדן דעם ווידעראויפבויאונג פון רוסלאַנד.

116 אידישע מקומות 136,265 רואינירטע אידישע פאַמיליעס.

פון קאָפּענהאַגען גיט מען איבער, אַז לויט די פאַרעפנטליכטע סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן זיינען אין משך פון ערשטן פּעריאָד, פּאָגראָם-פּעריאָד (מאַי-יוני-יולי) פאָרגעקומען אין אוקראַינע פּאָגראָמען אין 116 אידישע מקומות און זיינען 136.265 אידישע פאַמיליעס רואינירט געוואָרן.

פאַרן פאָלק 9 יאַנוו.

טשכעאידזע און צערעטעלי אין פּאַריז

די ידיעה וועגן דעם, אַז טשכעאידזע און צערעטעלי האָבן געבעטן הילף באַ דער ענטענטע, ווערט באַשטעטיגט אויך דורך די וואַרשעווער „לעבנס-פראַגן". דאָרט געפינען מיר אַ טעלעגראַם פון 19 יאַנואַר: „דער העכסטער ראַט פון דער קאָאַליציע האָט געהאַט מאָנטאָג פריה אַ זיצונג אונטערן פאָרזיץ פון קלעמאַנסאָ. דער ראַט האָט אויסגעהערט אַן עקספּאָזע פון טשכעאידזע, צערעטעלי און אַוואַלאָוו, אַלס פאָרשטייער פון גרוזיע, ווי אויך די דעלעגאַטן פון אַזערבייזשאַן, אַלי מאַרדאַן און טאָפּטשיבאַשעוו. דער ראַט האָט אַרומגערעדט די פראַגע וועגן געבן די דאָזיגע לענדער מאַטעריעלע הילף אויף די זעלבע באַדינגונגען, ווי עס איז פריהער געגעבן געוואָרן דעם גענעראַל דעניקין.

(לעבנס-פראַגן 19-I).

האָלץ פאַר ענגלאַנד.

די פאַרוואַלטונג איבער די מזרח-געביטן (דאָס מיינט מען די געגנטן, אָקופּירט פון פּוילן) פירט אונטערהאַנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג וועגן פאַרקויפן איר האָלץ פאַר 20 מיליאָן פונט סטערלינג. די דאָזיגע סומע ווידער זאָל באַשטימט ווערן אויף איינצוקויפן אין אַמעריקע פרילינגס-זריעה פאַר יענע פּויערים וואָס זיינען שוין געבליבן אָן זאַמען אויף זריעה. אויך ווערט אַ געוויסער טייל פון דער סומע גיין אויף קויפן שפּייז פאַר דער באַפעלקערונג פון די מזרח-קאַנטן.

פון פּוילן.

דער פּוילישער סיים האָט אָנגענומען אַ געזעץ וועגן פּוילישער בירגערשאַפט, וועלכער ערקלערט פאַר פרעמדע די, וואָס זיינען אַריינגעפאָרן קיין פּוילן אפילו מיט יאָרן צוריק. דאָס מאַכט פאַר פרעמדע הונדערטער טויזנט אידן אין פּוילן. פאַקטיש ווערן זיי דורך דעם אַרויסגעוואָרפן פון פּוילן. אין וואַרשע ווערן שוין רעקווירירט זייערע וואוינונגען.

דאָס געזעץ איז אָנגענומען אין אַלע דריי לעזונגען דורך אַלע דעפּוטאַטן אַחוץ די אידישע. צווישן די אידן האָט זיך געפונען דער רב פּערלמוטער, וועלכער האָט געשטימט פאַר'ן אַנטיסעמיטישן פאַרשלאָג. די פּ. פּ. ס. האָבן געהויבן די הענט צוזאַמען מיט די רעכטע.

[illegible]ראטנער.

[illegible] אפּן ב-טן
[illegible] אין פּראָפעצער
[illegible] נאָסקווער
[illegible] חבר ישראל

[illegible] האָט דער
[illegible] די ערשטע
[illegible] די №№
[illegible] געהילף
[illegible] דע-
[illegible] ווערן אין
[illegible] פעלד-

[illegible] גרייס
[illegible] האָט ער
[illegible] אַרבעטן אין
[illegible] דעם ראַ-
[illegible] נאָר
[illegible] באַנאַכט

[illegible] ניט
אין ראַסלאַנ[illegible]
[illegible] אָרגאַניזאַציעס

[illegible] מאָסקווער

[illegible] פון צ.ק.

[illegible] ביוראָ פון צ. ק.
[illegible] צווישן
[illegible] באַשטימט

[illegible] אָרגאַניזירט
[illegible] פונם צ. ק.
[illegible] פאַר אירע
[illegible] איינציגע מאַר-

[illegible] דעם פאָרשלאַג
[illegible] ביוראָ וועגן

אַסיגנירן איר א געוויסע סומע אויף אַגי-טאַציאָנס-צוועקן צו דער 12-טער קאָנפע-רענץ; וועגן דער סומע וועט דאַרפן פאַרגע-נומען ווערן א ביזונדער חשבון דעם צ. ק.

ה) דער צ. ק. מאַכט אויפמערקזאַם די ס. ר. ביוראָ, אַז די וואַל-אַגיטאַציע צו דער קאָנפערענץ דאַרף געפירט ווערן נור אין די ראַמען פון דער פּאַרטיי און אַז צו איר קענען ניט צוגעצויגן ווערן אין קיין פאַל אַזוינע, וואָס זיינען פון אונזער פּאַרטיי אויסגעשלאָסן אָדער אַזוינע, וואָס געהערן צו איר ניט.

ו) וועגן דער באַפאַרשטן הענ'ער קאָנ-פערענץ און איר באַרייטונג פאַראַנטוואָרטליכן א באַזונדערן צירקולאַר בריף.

ז) ס'זיינען אָנגעמערקט אַגיטאַציאָנס-נסיעות פאַר איינציגע מיטגלידער פונם צ. ק. אין פאַרבינדונג מיט דער קאָנפערענץ.

2. די ווייטעבסקער גובערניאַלע פּאַרטיי-קאָנפערענץ.

ה. י. לעווין ווערט דעלעגירט אלס באַ-פּאָלמעכטיגטער פונם צ. ק. אויף ווייטעב-סקער גובערניאַלע פּאַרטיי-קאָנפערענץ.

3. די ווייטעבסקער גרופּע, וואָס רופט זיך אָן „אַלגעמיינער אידישער אַרבעטערבונד", סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע.

א) אויסהערנדיג די רעזאָלוציע פון דער האָמעלער גרופּע וועגן ניט אונטער-וואַרפן זיך דעם באַשלוס פון צ. ק., איר ווענדונג צו אַלע בונדישע אָרגאַניזאַציעס און דעם בריוו פון דער מינדערהייט פון דער האָמעלער גרופּע צום צ. ק., באַשטימט דער צ. ק.

אַריבערגיין איבער די אַלע [illegible] צום טאָג-אָרדנונג.

ב) פאַרעפנטליכן פאָלגענדע מעלדונג:

דער צ. ק. מעלדעט, אַז די גרופּע, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אין ווייטעבסק אונ-טערן נאָמען „ווייטעבסקער ס. ד. אָרגאַני-זאַציע", האָט ניט קיין רעכט אויף אָנגע-הערינגקייט צום „בונד", ווייל זי באַשטייט טיילווייז פון פּערזאָנען, וואָס זיינען פון אונזער פּאַרטיי אויסגעשלאָסן לויט דעם באַשלוס פון צ. ק. און אין דעם בעריגן טייל פון אַזוינע, וועלכע האָבן זיך גע-שטעלט אויסער די ראַמען פון אונזער פּאַרטיי מיט דעם, וואָס זיי האָבן זיך ניט איבערגעגעבן אין אונזער ווייטעבסקער אָרגאַניזאַציע און מיט דעם וואָס זיי האָבן געבילדעט די אויבנדערמאָנטע אָרגאַניזאַ-ציע. דער „בונד" נעמט אַראָפּ פון זיך יעדע פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר די האַנד-לונגען פון דער דאָזיגער גרופּע און פון אירע איינצעלנע מיטגלידער.

די ערשטע זיצונג פון נייעם האמלער ראט.

פרייטאָג דעם 10-טן איז פאָרגעקומען די ערעפנונג פונם ניי אויסגעקליבענעם ראַט. זיין צוזאַמענשטעל איז: 197 קאָמו-ניסטן, 6 בונדיסטן, 6 ס.ס., 11 מענשע-וויקעס און 27 אומפּאַרטייאישע. ווי אַזוי די וואַלן זיינען צוגעגאַנגען, האָבן מיר געשריבן אין „ראַבאָטשי גאָלאָס", און אַזוי ווי דער „וועקער" איז א צייט ניט אַרויסגעגאַנגען, וועלן מיר זיך שוין איצט דערצו ניט אומקערן.

די זיצונג האָט זיך אָנגעהויבן פון באַגריסונגען. אין נאָמען פון „בונד" האָט באַגריסט די ח' אסתר. זי האָט אויס-געדריקט דעם וואונש, דער ראַט זאָל באמת אַרבעטן, באמת פאַרוואַנדלען זיך אין ברייטסטע מאַכט און פילן א פאַר-אַנטוואָרטליכקייט פאַר די גאַנצע אַר-בעטנדע מאַסן, צווישן זיי אויך פאַר די, בא וועמען מ'האָט דאָ אָפּגענומען דאָס וואַלרעכט. די ראַטן—דאָס איז א הייבל, מיט וועלכן מ'קאָן אַראָפּרייסן פונם אָרט די אַלטע וועלט. מיר אין רוסלאַנד האָבן נאָך א שטיק אַלטע וועלט—אָרים-קייט, הונגער, קעלט, עפּידעמיעס. לאָז דער האָמלער ראַט העלפן פאַרניכטן די אַלטע וועלט ביזן סוף.

נאָך די באַגריסונגען גייט מען איבער צום ערשטן פּונקט פון טאָג-אָרדנונג — באַריכט פון דער צענטראַלער וואַלקאָמיסיע. פון אונזער פראַקציע טרעט אַרויס די ח' אסתר. זי ווייזט אָן, אַז בא די וואַלן האָט מען איבער געוויזן אויף דער ראַטנקאָנסטיטוציע, אָפּגענומען וואַלרעכט בא א טייל אַרבעטנדע און געגעבן וואַל-רעכט ניט דערוואַקסענע קינדער. זי ווייזט אויך אָן, אַז די צענטראַלע וואַלקאָמיסיע האָט זיך ניט געהאַלטן אָביעקטיוו און גע'ריקט אויפ'ן פרייען ווילן פון די וועלער, אַגיטירנדיג פאַר די קאָמוניסטישע צעטלען און קעמפנדיג אַקעגן די איבעריגע. די פראַקציע לייגט פאָר א רעזאָ-לוציע, וועלכע פאָדערט אויף די מאַנדאַט-קאָמיסיע שטרענג איבערצופּריפן אַלע פעלן פון [illegible] דאָס געזעץ און באַ-שטימען איבערוואַלן אין [illegible]-צונגס-וואַלן און אַלע נייטיגע פעלן. די קאָמו-ניסטישע רעזאָלוציע אָנערקענט, אַז די וואַלקאָמיסיע האָט ריכטיג דורכגעפירט די ראַטנקאָנסטיטוציע אין דער צופּאַסונג צו די אָרטיגע באַדינגונגען. די ס.ס. ערקלערן זיך אין דער פראַגע נייטראַל. ניט אַזוי, זאָגן זיי, [illegible] דאַרף געשטעלט ווערן די פראַגע וועגן [illegible] די וואַלרעכט. די מענשעוויקעס אונטערשטיצן די רעזאָלוציע פון „בונד". סיגייט דורך די קאָמוניסטישע רעזאָלוציע.

צום צווייטן פּונקט פון טאָג-אָרדנונג „ליטנדער מאָמענט" רעפערירט ח. כאַנאַוו. זיין פאָרטראַג האָט ווייניג שייכות צום ליטנדן מאָמענט און באַשטייט הויפּט-זאַכליך פון זלזולים אַקעגן „בונד" און די מענשעוויקעס. גלייך נאָך אים באַקומט דאָס וואָרט דער פאַרטרעטער פון די מענ-שעוויקעס ח. צייטלין. ער רעדט צווישן אַנדערע זאַכן וועגן דער אַרבעטספליכט און ווייזט אָן, אַז די מענשעוויקעס האַלטן די דאָזיגע פליכט פאַר דורכפירט נייטיג. די [illegible] פון די מענשעוויקעס אין-[illegible] פון דער [illegible].

גלייך נאָך דעם ח. צייטלינס רעדע באַקומט דאָס וואָרט א פאַרטרעטער פון דער קאָמוניסטישער פראַקציע פאַר אויס'ן אַרויסצוטרעטן מיט א מעלדונג. ער לייענט א פּעקל בריוו, וואָס קאָמוניסטן האָבן געשריבן אין דער צענטראַלער וואַרשעווער [illegible] וועגן די דרייסטריטונגען פון די מענשע-וויקעס בשעת די וואַלן. א סך אָנגעשטעלטע [illegible], אַמאָל משונה [illegible].

איבערלייענענדיג די ציטאַטן, פאָדערן די קאָמוניסטן, מ'זאָל די מענשעוויקעס אויסשליסן פון ראַט. אונזער פראַקציע פּראָטעסטירט מיט א שאַרפן פּראָטעסט. מיר האָבן געקעמפט אַקעגן די מענשע-וויקעס — זאָגט די ח' אסתר, — מיר האַלטן זייער פּראָגראַם פאַר א פאַלשע, אָבער געקליבן האָבן זיי אַרבעטער, און אַר-בעטער האָבן רעכט פריי אַרויסצוזאָגן זייערע מיינונגען, אפילו אויב דאָס זיינען פאַלשע מיינונגען. קיין קאָנטר-רעוואָלו-ציאָנערע אַרבעט איז דאָ ניט די קאָ-מוניסטן. די פּראָגראַם פון די מענשעוויקעס איז שוין לאַנג באַקאַנט און [illegible] ווי קיינער ניט פאַר קאָנטר-רעוואָ-לוציאָנער. די ס.ס. נעמען אויך א וואָרט. די איינציגע טענה פון זייער פּראָטעסט: וואָס עפּעס הייגט? פאַרוואָס אין דער ערשטער זיצונג?...

די מענשעוויקעס דערמאָנען, אַז דער צ. א. ק. האָט אומגעקערט זייער פּאַרטיי אין די ראַטן. זיי ערקלערן, אַז די ציטאַטן זיינען פאַרדרייט.

די בונדישע פראַקציע לייגט פאָר אַריבערצוגיין איבערן קאָמוניסטישן פאָר-שלאָג צום טאָג-אָרדנונג. דאָס ווערט אָפּ-געוואָרפן. דער פאָרשלאָג אויסצושליסן ווערט אָנגענומען, די ס.ס. האַלטן זיך אָפּ.

די בונדישע פראַקציע פאַרלאָזט אין צייכן פון פּראָטעסט די זיצונג און ער-קלערט, אַז זי וועט איר פּראָטעסט איבער-שיקן אין אַלרוסלענדער אויספיר-קאָמיטעט.

נאָך דעם קומען פאָר וואַלן. אין אויס-פיר-קאָמיטעט ווערן אויסגעקליבן 10 קאָמוניסטן, אין מאַנדאַט-קאָמיסיע — דריי קאָמוניסטן.

א.

קאָרעספּאָנדענצן.

פּענזע.

די לעצטע צייט האָט אונזער אָרגאַ-ניזאַציע גענומען אַרבעטן גאַנץ לעבעדיג און לאָזט זיך פילן. אויף אַלע [illegible] מיטינגען, וואָס ווערן דאָ איינגעאָרדנט, טרעטן אַרויס אויך אונזערע פאַרטרעטער, און זיי ווערן וואַרעם באַגעגנט דורך דער פּענזער אַרבעטערשאַפט.

דאָ ניט לאַנג האָבן מיר דאָ געהאַט אַן איינצידענץ מיט די היגע קאָמוניסטן. דאָ גייט אַרויס א צייטונג „קראַסנאַיאַ זנאַמיאַ", אָרגאַן פון גובערניאַלן ראַט און פון גובקאָם פון די קאָמוניסטן. אונזער אָרגאַניזאַציע האָט זיך געווענדעט צו דער רעדאַקציע מיט א ביטע אָפּצודרוקן אונזער אַן אויפרוף, אין וועלכן מיר רופן די אידישע אַרבעטער און רוסישע אַרבעטער אַריינצוטרעטן אין „בונד", אַלס דער איינציגער פּאַרטיי פון אידישן אַרבע-טער. די רעדאַקציע האָט געענטפערט, אַז ווי א פּאַרטיי-אָרגאַן קען זי ניט דרוקן קיין אויפרוף פון א צווייטער פּאַרטיי, און צווייטנס זיינען זיי ניט איינ-שטימיג, אַז דער בונד איז די איינציגע אידישע פּאַרטיי — די טירן פון דער קאָ-מוניסטישער פּאַרטיי זיינען ניט פאַרשלאָסן אויך פאַר אידישע אַרבעטער. [illegible] זאָגן זיי אונז אָפּ צו דרוקן אונזער אויפרוף. מיר האָבן שאַרף פּראָ-טעסטירט, אַז די צייטונג איז זיך אַן אָרגאַן פון ראַט און מיר, אַלס ראַטן פּאַרטיי, האָבן רעכט צו באַנוצן זיך מיט דער צייטונג. אונזער פּראָטעסט האָט געווירקט, און אונזער אויפרוף איז אָפּ-געדרוקט געוואָרן אין נומער פון 21-טן דעקאַבר. דעם [illegible] אויפרוף האָבן מיר פאַרשיקט אויך אין אידיש.

דעם 18-טן יאַנואַר (די קאָרעספּאָנ-דענץ איז געגאַנגען איבער א חודש — די רעד.) וועט בא אונז פאַרקומען א גובערניאַלער צוזאַמענפאָר פון פּראָפ-סאָיוזן. פאַראיינען אונזער אָרגאַניזאַציע האָט אויף דעם צוזאַמענפאָר באַקומען אַן אָרט מיט באַראַטונגס-רעכט. מיר האָבן דעלעגירט די חבֿרה ה. פּישער, א לערערין.

דער „ראַבאָטשי גאָלאָס" ווערט בא אונז פאַרשפּרייט דורכן גובפּעטשאַט.

פון איינציגע חדשים גייט דאָ א קאַמף אַרום דער אידישער שול. ס'קומט אויס צו קעמפן מיט דער אָרטיגער ביל-דונגס-אָפּטיילונג און מיט די היגע פּ.צ.

די היגע אידישע שולן געפינען זיך אין די הענט פון ציוניסטישע לערער. זיי טוען דאָרט, וואָס זיי ווילן, און געבן די פּרינציפּן פון דער איינהייטליכער אַרבעטס-שול הייבט מען נאָך אפילו ניט אָן צו קלערן. די איינציגע בילדונגס-אַנשטאַלט, וואָס געפינט זיך ניט אין ציוניסטישע הענט, זיינען די אידישע אַרבעטער-קורסן, געגרינדעט דורך דעם בונדישן קלוב „קאַרל מאַרקס".

דאָ ניט לאַנג [illegible] אַז די פּאָסטיילונג לויט דער איניציאַטיוו פון אונזער אָרגאַניזאַציע צונויפגערופן א [illegible] פון אידישע [illegible] פאַר [illegible] קולטור-אָרגאַניזאַ-ציעס אַז [illegible] לערער [illegible] קאָנגרע-ראַטן אויף א [illegible] פון א אינסטרוקטאָר. [illegible] האָבן זיך די „פּועלי ציון" [illegible] לאַקירט מיט די פּלעג-מיינע ציוניסטן [illegible] האָבן אין איינעם גרויסנעשטעלט [illegible] קאַנדידאַט. די פּועלי-ציוניסטן [illegible] האָבן ער-קלערט, אַז [illegible] א בונדיסט זאָל דורכ-גיין פאַר [illegible] סטרוקטאָר, וועלן [illegible] בעסער אַנוועגדן [illegible] קרעפטן. די שול [illegible] זאָל בלייבן אַזוי ביז איצט. די קהל-קאָמוניס[illegible] פילן [illegible] קייט צו די [illegible] א נאַצאָס-[illegible] שלעכן זיך פאַר [illegible] וואָס ציוניסטן אין [illegible].

מיר האָבן [illegible] אויסטייטש וועלן מיר. [illegible] פון פּענזער [illegible] אָרגאַניזאַציע.

נ. חומ[illegible]ווערס.

אן אויפרוף פון פּענזער אָרגאַניזאַציע.

אין פּענזער [illegible] „וועסטניק" איז אַפּגע-דרוקט אַן אויפרוף פון פּענזער בונדישער אָרגאַניזאַציע צו די אידישע אַרבעטער אַריינצוטרעטן אין „בונד". צווישן אַנדערע ווערט דאָרט געזאָגט: אַז אין דעם איצטיקן זייער ווינטיקן מאָמענט פון אַנטשיידענדעם שטורעם פאַרן פּאַ[illegible] פון דעם קאַ-פּיטאַליזם פאַר [illegible] אידישער אַרבע-טער ניט בלייבן [illegible] די רייען פון אָר-גאַניזירטן אידיש [illegible] פּראָלעטאַריאַט. „יעדער פון אייך דאַרף [illegible] דעם אַלטן לאָ-זונג פון „בונד", [illegible] די באַפרייאונג פון אידישן אַרבעטער וועט קומען צושטאַנד מיט זיין [illegible] און [illegible] פּראָלעטאַריאַט. איר [illegible] אויך עס לאַנגיאָריגן פאַר-[illegible] קאַמף, וואָס דער „בונד" האָט [illegible] דער באַפרייאונג פון אַרבעטער-קלאַס. [illegible] דער עפּאָכע פון דער [illegible] רעאַקציע האָט דער „בונד" [illegible] נהאַלטן די רויטע, רע-וואָלוציאָנערע [illegible] און מיט אַנטשלאָסנקייט [illegible] דעם אידישן אַרבעטער אין קאַמף [illegible] קאַפּיטאַל. און איך אין דער ציי-[illegible] פון [illegible] דער „בונד" [illegible] אין זיין רעוואָלוציאָנערן [illegible] — [illegible] געגעבן און ניט [illegible] זיינע בעסטע כוחות [illegible] פּראָגנאַ. [illegible] די פּראָלעטאַ-[illegible] רעוואָלוציע [illegible] אין די רייען פון „בונד", [illegible] די קלוגע פּאַרטיי, וואָס האָט [illegible] אַף דער אידישער [illegible] און [illegible] קאַמף קעגן קאַפּיטאַלי-[illegible] אייך ברייטער צום זיג-[illegible] נצחון [illegible] סאָציאַליזם!"

פּרילוק.

[illegible] פון „וועקער" האָט [illegible] האָט אונזער גרופּע פאַרלאָרן [illegible] מיט דער רעדאַקציע, [illegible] דעם [illegible] קאָמ[illegible]. דער [illegible] פון די ווייסע איף [illegible] האָט אַרן [illegible] א חורבן פון אונזער אָרגאַניזאַ[illegible] איצט ווילן איינגע מיטגליד[illegible] פון [illegible], וועלכע זיינען דאָ [illegible] א פּרואוו אויפצולעבן [illegible] וועלכע ניט א פּאָליטישע [illegible] בעט בזדישן [illegible] די נאָך עקזיסטי[illegible] רע אידישע אַרבעטער אין [illegible] און [illegible] אַ [illegible] אַ וועלכן ניט אין אידישן קולטור[illegible] לעבן. דער ערשטער [illegible] סונג איז [illegible] אין דעם [illegible] פאַרשטייט זיך אויסשרייבן דעם „וועקער" און אַריינגיין אין א [illegible] ווענג מיטן צ. ק.

ש. מערעל.

פאלאצק.

א דאַנק דער מאָביליזאַציע, וועלכע האָט אַרויסגעריסן פון [illegible] אַקטיווע חברים, האָט זיך די אַרב[illegible] פון אונזער אָרגאַני-זאַציע [illegible] ווייל, [illegible] צעשטעלט. איצט זיי-נען איינגע חבר[illegible] אין אָרלוהה [illegible] אויך אַרבעט [illegible] די מיטגליד [illegible] און „בונדיש"-[illegible] אין זלאַטקין. האָט [illegible] אונז איינגעגעבן [illegible] אויסשטעלן [illegible] פון אונזער אָרגאַניזאַ-ציע, מיר האָבן [illegible] באַשלאָסן 2 מיטינגען אויף [illegible] בונד און די ראַטן [illegible] שלום מיט [illegible] אויך האָבן מיר [illegible] אַנטייל [illegible] דער [illegible] אויף [illegible] רעגאַנסקאָרט, מיר האָבן איינגעאָרדנט א ספּעקטאַקל [illegible] ציון, וועלכער האָט גע-געבן 4500 [illegible] הכנסה. דער קאָמיטעט פון בונד האָט [illegible] אויף דער לעצ-טער זיצונג [illegible] מיטגלידער פון [illegible] אָרגאַניזאַציע [illegible] גענומען אין אינטעל [illegible] אין אין [illegible] בעט „וואָסקרעסעניע".

מיטגלידער [illegible] 25.

פא. [illegible] באַרעצקי.

אין פאַנד פון „וועקער".

פון מאָהילעווער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" 2000 רוב.

צום געווינס [illegible] פון מיין [illegible] נאָטע פּאַרקין און שוועסטער שרה ראַבי-נאָוויטש גיב איך, אין נאָמען פון „וועקער" 100 רובל.

[illegible]

פון ארבעט.

פון דעמיאן בעדני

[illegible]

[illegible]

[illegible] אין שטרייט!
[illegible] זיך א צייט:
אַקער—היינט.
[illegible] פריינד!

אויף גרויסע טייכן הין און הער
אַרויף, אַראָפּ, געלאָדן שווער
מיט רייכע פרוכט פון אונזער מיה
וועלן שוין געבן זיך א ציה.
מיליאָנען שטימען, אויפ'ן ברעג
אויף ביידע זייטן וואַסער-וועג
וועלן קלינגען פרייליך אויסן פעלד,
און מיט גרינעם וואַלד-געצעלט
עס קלינגט די האַק, עס זינגט די זעג.
מיט נייעם די אַרבעט פירט געשלעג,
ס'זאָל אויפזיין דאָס לעבן היינט,
צו אַרבעט, פריינד!

ס'וועט פון די קוימענס שלאָגן רויך,
און די מאַשינען דונערן הויך,
דעם אַרבעטסמאַנ'ס באַגעל געטריי,
[illegible] אויף דער האַמער אויף דאָס ניי.
ס'וועט נעמען שיקן אויף צוריק
דאָס דאָרף מתנות די פאַבריק:
מיליאָנען קאָסעס, שינען, שפּאַן,
מאַשינען פאַר דעם אַקערסמאַן.
פאַראויס! פאַראויס! פאַראויס אין שטרייט!
אַלץ, חבר, האָט פאַר זיך א צייט:
געשאָסן—נעכטן, אַקער היינט.
צו אַרבעט, פריינד!

דאָס דאָרף וועט אויפוואַכן פון שלאָף
און מאַכן געלד א גיכן סוף
צו די כאַלופּקעס, פול מיט רויך,
און בויען הייזער, שיין און הויך.
געשניצטע גאַנקעס אומעטום
און גרינע בוימעלאַך אַרום.
און דורך די פענסטער וועט באַנאַכט
עלעקטרי שיינען, פול מיט פּראַכט.
עס קלינגט די האַק, עס זינגט די זעג.
מיט נייעם די אַרבעט פירט געשלעג.
ס'זאָל אויפזיין דאָס לעבן היינט,
צו אַרבעט, פריינד!

די קינדער וועלן מאַכן חול
מיט [illegible] יעדע שול.
די גרויסע — א ביבליאָטעק:
צום בוך, צום בלאַט איז אָפן דער וועג.
און אין די ביכער וועלן מיר
געפינען קענטעניש אָן א שיעור.
ווי צו פאַרריכטן אַלץ, וואָס פעלט,
און צו באַנייען אונזער וועלט.
פאַראויס! פאַראויס! פאַראויס אין שטרייט!
אַלץ חבר, האָט פאַר זיך א צייט:
געשאָסן—נעכטן, אַקער היינט.
צו אַרבעט, פריינד!

דער אַרבעטסמאַן, דערפרישט, באַנייט,
פון נויט, פון זאָרגנ'ס באַפרייט,
מיט פרייד פירט זיין אַרבעטספליכט.
און אים די רוהצייט פול מיט ליכט
מיט זיינע נאָענטסטע פאַראיינט.
צו קונסט און וויסנשאַפט געוואוינט,
וועט ער מיט רוהיגן געמיט
פאַר דאָס, צו וואָס ער גייסט אים ציט.
עס קלינגט די האַק, עס זינגט די זעג.
מיט נייעם די אַרבעט פירט געשלעג,
ס'זאָל אויפזיין דאָס לעבן היינט,
צו אַרבעט, פריינד!

שטייט אויף, די אַרבעט רופט צום קריג!
עס וואַרט אויף אייך דער לעצטער זיג,
דאָס לעצטע שווערע שטיקל וועג
צו גליק און פרייהייט אָן א ברעג.
אָן האַרן, אָן דעם האַרנס רוט.
שטייט אויף, ברענגט אויף מיט האַס און גלוט!
שטייט אויף, צום לעצטן שטרייט זייט גרייט,
און האַלט מלחמה מיט דער נויט!
פאַראויס! פאַראויס! פאַראויס אין שטרייט!
אַלץ, חבר, האָט פאַר זיך א צייט:
געשאָסן—נעכטן, אַקער—היינט.
צו אַרבעט, פריינד!

איבערזעצט פון רוסיש
ה. קאַצענעלענבויגן.

ארויסגעגעבן צ. ק. פון „בונד".

[illegible] ע. ווייכמאַן (אַפּחר)

[illegible]

0/284

פּרייז 5 ר.

פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט זיך!

רוסלענדער סאָצ. דעמ. אַרבעטער פּאַרטיי—אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער „בונד"

דער וועקער

צענטראַל אָרגאַן פון „בונד" אין ראַטן-רוסלאַנד

ערשיינט צייטווייליק אין מאָסקווע

№ 650
מאָסקווע
דאָנערשטאָג דעם 8-טן אַפּריל
1920

אַדרעס פון רעדאַקציע:
2-й Дом Советов.
9-и кабинет.

[illegible]

Москва 2 дом Советов 9 кабинет бю. Цекобунда.

די דעלעגאַטן וועלכע קומען אויף דער XII קאָנפערענץ פון „בונד" דאַרפן זיך מעלדן [illegible] אין ביוראָ פון צ. ק. 2-טע [illegible] קאַבינעט. וואו מען וועט [illegible] דעלעגאַטן קאַרטן און די געהעריקע אָנ-[illegible]

די ביוראָ פון צ. ק. פון „בונד" לייגט פאָר [illegible] „בונדיסטן" וואָס קומען פון אַנדערע [illegible] זיך מעלדן אין ביוראָ פון 4 ביז 6 אָוונט. [illegible] אַלרוסלענדער צוזאַמענ-[illegible] די פּראָפעסיאָנעלע פאַר-[illegible]

די ביוראָ פון צ. ק. האָט באַשלאָסן אַז אַלע [illegible] וועלכע וועלן זיין פאַרטראָטן אויף דעם [illegible] דאַרפן זיך אָרגאַניזירן אין א בונדי-[illegible] פראַקציע, וועלכע וועט אַלס גאַנצע אויפן [illegible] פאַרטיידיקן די פּאַרטיי ליניע. די [illegible] וועלכע וועלן זיין דעלעגירט [illegible] צוזאַ-[illegible] דאַרפן זיך מעלדן אין ביוראָ.

„שלום מיט ראַטן-רוסלאַנד!" דאָס איז דער לאָזונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין פוילן.

די איצטיקע משולים אין פוילן פירן אָבער א גרויסע פּאָליטישע שפּיל.

בראש פון „דעמאָקראַטישן" פוילן שטייט א קאָאַליציע פון די רעאַקציאָנערסטע קלאַסן און גרופּן אין פוילן. די עקאָנאָמישע לאַגע אין פוילן איז שרעקליך. איר פּראָדוקציאָן איז צושטערט פון דער פריהערדיגער מלחמה און לאַנגער דייטשער אָקופּאַציע. די בורזשואַזיע האָט ניט אַרויסגעוויזן קיינע פעאיקייטן, קיינע כחות אויפצושטעלן די פּראָדוקציאָן, צו באַנייען די עקאָנאָמישע כחות פון לאַנד. הונדערטער טויזנטער אַרבעטער גייען אַרום ליידיק. דער יקרות שטייגט פון טאָג צו טאָג, דער קורס פון פוילישן מאַרק פאַלט קאַטאַסטראָפיש. די חובות וואַקסן אָן א שיעור און ס'זיינען ניטאָ קיינע אויסזיכטן זיי איינצוצאָלן.

דער איינציקער וועג, וועלכן די בורזשואַזיע ווייס אויף אַביסל אָפּצושוואַכן איר עקאָנאָמישע מאַכטלאָזיקייט איז די פּאָליטיק פון מלחמות. די ערשטע גרעסטע געגענטן ווערן באַהאַנדלט מער ניט ווי מעגליכקייטן אַרויסצופירן רייכטימער דורך אומענדליכער עקספּלואַטאַציע. ווילנא און מינסק און אַנדערע שטעט זענען ווירטשאַפטליך רואינירט. קיין פּראָדוקציאָן ווערט דאָרט ניט דערלאָזן: דער איינציקער מקור פון פּראָפיט איז ספּעקולאַציע מיט סחורות און געלט. אַלץ וואָס האָט א ווערט, איז צעראַבירט אָדער אַרויסגעפירט. פוילן דערלאָזט ניט קיין זעלבשטענדיקע ווירטשאַפטליכע עקזיסטענץ פון די פאַרניכטעטע געגענטן. דאָס באַשאַפט פאַרגרעסערטע רייכטימער, דאָס באַשאַפט א פּנים פון עקאָנאָמישן לעבן. נאָר נאָך וויכטיקער איז די מלחמה אַלס מיטל פון פּאָליטישער הערשאַפט.

דאָס זעלבשטענדיקע פוילן איז א נייע ווידער איינגעשטאַנענע מלוכה. זי שטעלט נאָך איצט איין אירע אינעווייניקסטע און אויסערליכע באַציהונגען. א שטאַרקע און זיגרייכע אַרמיי האַלט [illegible] אין פאַרשטאַרקט דעם פּרעסטיזש, די מאַכט [illegible] און דעם נאָמען און ווירקונג א יסטעליך. דאָס נייע פוילן ווייס נאָך ניט קיין מיליטערישע מפּלה. ווילנא, מינסק, דווינסק, באָברויסק, מאָזיר פון איין זייט, די נייבאַצעטע פון דייטשלאַנד אָפּגעריסענע פּראָווינצן פון דער צווייטער — דאָס זענען טראָפייען וואָס באַפּוצן די זיגער ביז לאָרבער-קראַנצן, וואָס מאַכן אַן איינדרוק פון אומבאַזיגבאַרקייט, וואָס באַדעקן מיט אויסערליכן גלאַנץ די איצטיקע הערשער און מאַכן א שטאַרקן איינדרוק אויף דער קליין-בורזשואַזיע און אַפילו אויף א טייל פון אַרבעטער-קלאַס. דאָס וועקט דעם נאַציאָנאַליזם, דאָס האַלט אויף דעם פּאַטריאָטיזם, דאָס דאַרף פאַרדעקן די אומערטרעגליכע אינעווייניקסטע לאַגע מיט א שיינעם שלייער פון כלומרשט גלענצנדן וואוקס און אַנטוויקלונג.

דאָס ערקלערט אונז פאַר וואָס דאָס רעאַקציאָנערע פוילן איילט זיך ניט צו געבן אַן ענטפער אויף דעם שלום-פאָרשלאג. מ'האָט געלאָזט א פּראָבע-שטיין די שלום באַדינגונגען, וואָס זיינען פאַרעפנטליכט געוואָרן אין דער פּרעסע. אַלע פאַרשטייען, אַז ניט אויף די גרעניצן פון 1772 יאָר, ניט אויף א גרונדלאַגע פון פאַר-[illegible], ניט אויף די איבעריקע באַדינגונגען קען רוסלאַנד ניט איינגיין. אין וואַרשע טראַכט מען ווייניק וועגן אמתן שלום. [illegible] זיינען על פי טעות אַרויסגעפאָרן אין וואַרשע אין סודן זיך מיט די פוילישע פּאָליטיקער. דאָרטן [illegible] פון פינלאַנד און לאַטוויע. מיט וואָס ס'באַשעפטיקט זיך די קאָנפערענץ איז קלאָר. מ'רעדט כלומרשט וועגן שלום מיט ראַטן-רוסלאַנד. ס'איז אָבער פאַרשטענדליך וואָס פאַר א שלום-באַדינגונגען אַזא קאָנפערענץ [illegible] אויסטראַכטן. דאָס וועלן זיין מלחמה-באַדינגונגען, מ'וועט שטעלן אַזעלכע תנאים, וועלכע מיר וועלן אין קיין פאַל ניט קענען אָננעמען. דאַן וועט די שולד פאַלן אויף אונז און מ'וועט ווייטער פירן מלחמה מיט [illegible] קרעפטן. אין פוילן שטימט זיך איצט [illegible] פון רעאַקציע [illegible] רוסלענדישער רעוואָלוציע.

פוילן איז איצט איינער פון די וויכטיקסטע צענטרען פון דער אייראָפּעאישער רעאַקציע, ניט קוקנדיק אויף איר אויסערליכע דעמאָקראַטישקייט. דער באַזיס אויף וועלכן די רעאַקציע האַלט זיך, זיינען די נצחונות פון איר אַרמיי.

די רעוואָלוציאָנערע כחות אין פוילן זיינען גרויס, זיי האָבן אָבער נאָך ניט געהאַט גענוג צייט זיך פּאָליטיש צו אָרגאַניזירן. די רעוואָלוציע קען דאָרט זיגן נור דאַן, ווען זי וועט פאַרכאַפּן א באַדייטנדן טייל פון דער אַרמיי. א זיגרייכע אַרמיי האַלט איין איר אייגענע פּאַטריאָטישע שטימונג, האַלט איין די שטימונג אין לאַגער צווישן דער קליינבורזשואַזיע און אַפילו צווישן א טייל פון פּראָלעטאַריאַט. די נצחונות, די מעגליכקייט צו רויבן, צו לעבן אויפ'ן חשבון פון די איינגענומענע פּראָווינצן האַלטן נאָך ווי ס'איז איין די גאַנצקייט און אויסערליכע אָרגאַניזירטקייט פון דער אַרמיי.

וואָלט די אַרמיי באַקומען עטליכע באַדייטנדע מפּלות, וואָלט דער פּנים פון אומבאַזיגבאַרקייט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, וואָלט דאַן די אויסערליכע אָרגאַניזירטקייט פאַלן, און די אַרמיי וואָלט [illegible], טראָגנדיק אומעטום אַרום [illegible] דעזאָרגאַניזאַציע און צופּוילטקייט. דער פּראָצעס פון צוטיילונג אין דער אַרמיי וואָלט באַקומען א באַזונדערע קראַפט. זי וואָלט זיך גיך אונטערגעבן דער ווירקונג פון רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע. און די רעוואָלוציאָנערע כחות אין פוילן וואָלטן באַקומען פעסטקייט, מוט און ענערגיע

ניט דערלאָזן די פוילישע רעאַקציע צו פאַרציהען די שלום-אונטערהאַנדלונגען, ניט לאָזן איר צופיל צייט אויף פאַראייניקן די כחות מיט דער רעאַקציע פון אַנדערע גרעניץ-לענדער, דאָס איז די אויפגאַבע פון אויסערליכער פּאָליטיק. אַרויסרייסן די איניציאַטיוו פון דער פוילישער אַרמיי, אָפּצושוואַכן דעם אָרעאָל, דעם גלאַנץ פון אומבאַזיגבאַרקייט, דאָס איז די אויפגאַבע פון דער מיליטערישער פּאָליטיק.

דאָס וועט פאַרשטאַרקן די רעוואָלוציע אין פוילן, דאָס צוזאַמען מיט די איצטיקע גרויסע געשעהענישן אין דייטשלאַנד, וועט עפענען פאַר אונז נייע אויסזיכטן אין פּראָצעס פון פאַראייניקן אונזערע כחות מיט די כחות פון סאָציאַלער רעוואָלוציע אין מערב-אייראָפּע.

דאָס איז באַ איצטיקע באַדינגונגען דער גיכסטער און בעסטער וועג צו שלום.

מאָסקווע, 24 מאַרץ.

א. ח.

P. S. ביים אַרויסגיין פון נומער ווייסן מיר שוין, אַז פוילן און לאַטוויע האָבן פאָרגעלייגט די צייט און דעם אָרט פון שלום-אונטערהאַנדלונגען. דער פאַקט ענדערט ניט אונזער אַלגעמיינע אָפּשאַצונג און אונזערע אויספירונגען. מ'דאַרף פאַרשטענדליך, געדולדיג פירן די אונטערהאַנדלונגען אָבער אויך זיין גרייט צו אַנטשלאָסענע טריט.

צו אונזער XII קאָנפערענץ.

ס'זיינען געבליבן עטליכע טעג, באַלד הויבן זיך אָן צונויפפאָרן אונזערע דעלעגאַטן, און די פּאַרטיי-טוער פון „בונד" אין ראַטן-רוסלאַנד וועט באַשליסן זייער צוקונפט.

מיר קלייבן זיך צונויף אין איינעם פון די וויכטיקסטע מאָמענטן, וואָס ס'האָט איבערגעלעבט אונזער רעוואָלוציע.

[illegible]

אונזער קאָנפערענץ וועט פאַרקומען נאָכן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, [illegible] צוזאַמענפאָר פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, און [illegible] פון די ביידע צוזאַמענפאָרן פראַגן פון ווירטשאַפטליכן בויען [illegible]

[illegible]

אין דער ריכטונג וועלן מיר זיך געפינען אין א גינסטיקער לאַגע. אין אונזער טאָג-אָרדנונג איז ניט אַריינגעשטעלט די ספּעציעלע פראַגע וועגן עקאָנאָמישער פּאָליטיק. ס'איז אָבער קלאָר, אַז [illegible]

[illegible]

הינקייט, די ווירקונגס-מעגליכקייטן פון אונזער פּאַרטיי. דער קריזיס האָט זיך די לעצטע צייט באַזונדערס פאַרשאַרפט און מוז געפונען ווערן א באַלדיקן אויסוועג.

דאָס וועט באַשאַפן די גאַנצע אַרבעט פון אונזער קאָנפערענץ.

די 12-טע קאָנפערענץ וועט זיין אַן אָרענע פון לייזנשאַפטליכן אינעווייניקסטן שטרייט, וואָס אונזער פּאַרטיי האָט נאָך קיינמאָל פון אַהער ניט איבערגעלעבט. צוויי סאָציאַליסטישע וועלט-אָנשויאונגען וועלן קעמפן פאַר זייער הערשאַפט אין אונזער פּאַרטיי. מיר זיינען אָבער א רייפע פּאַרטיי, מיט א גרויסער און לאַנגער פאַרגאַנגענהייט. מיר זיינען פאַרטרעטער פון א [illegible] באַוווסטזיניקן פּראָלעטאַריאַט. און אונזער אינעווייניקסטער קאַמף דאַרף און וועט פאַרקומען אין פאָרמען, וואָס וועלן ניט פאַרלעצן די איינהייט פון אונזער פּאַרטיי, [illegible]

די פּאָליטישע שטעלונג פֿון אונזער פּאַרטיי ביז דער 12-טער קאָנפֿערענץ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף איר אינערלעכן בוי. ס׳איז אין איר ניט דורכגעפֿירט יענע מיליטערישע ערציהונג אין ברייטן זינען פֿון וואָרט. ווי אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מיר דאַרפֿן דאָס וועגן גיך אָנהאָלן און וואָס גיכער.

בשעת ס׳באַהאַנדלט זיך די פֿראַגע וועגן מאָביליזאַציע, שטעלט זיך די פֿראַגע וועגן די פֿרויען. מען דאַרף געדענקען, אַז ווי געוויינלעכע סאָלדאַטן זײַנען פֿרויען ניט קיין באַזונדערס פּאַסיקער עלעמענט. אין דעריבער איז צוועקמעסיק צו מאָביליזירן נאָר קוואַליפֿיצירטע טוערנס ווי קולטור-טוערנס, אָרגאַניזאַטאָרן, אַדמיניסטראַטאָרן א. א. וו. פֿיל נוצן קענען ברענגען פֿרויען. ווי אַ סאַניטאַרער פּערסאָנאַל באַוואַכטיניקע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטערנס קענען ברענגען זייער פֿיל נוצן דן אין דער דירעקטער אַרבעט, דן אין אויפֿקלערונגס טעטיקייט צווישן די קראַנקע אין פֿאַרוואונדעטע רויטע אַרמייער.

בײַ כּכּת יאָרן זײַנען פֿיל חבֿרטעס וועלן אָנגעבן זיך אַ אַרבעט בײַ די ווײַליק. מ׳דאַרף נאָר אויף די ערשטע קלאָר מאַכן די קאָנקרעטע ווײַטע פֿון דער פֿראַגע און [illegible] דעם הנהגה אײַנגעבן זיך אַ באַשטימטן פּראָצענט פֿון אונזערע חבֿרטעס. ניט אַנטשיידנדיק קיין צוגאַנג מאָביליזאַציע.

אַחוץ דער רײַן מיליטערישער אַרבעט דאַרפֿן אונזערע אָרגאַניזאַציעס דורכפֿירן אין פֿאַרבינדונג מיט דער מלחמה אַ גרויסע פּאָליטישע אַרבעט. מ׳דאַרף ערקלערן די אידישע אַרבעטנדע מאַסן, די אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן פֿון אַרבעטער קלאַס די באַטײַטונג פֿון קריג און זייערע פֿליכטן בנוגע צום קריג. מ׳דאַרף פֿירן דורך מיטינגען, קליינע פֿאַרזאַמלונגען, דורך אַ סיסטעמאַטישער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע אַ שטענדיקע אויפֿקלערונגס אַרבעט אין דעם געביט. ריפֿן די אַרבעטער און אַרבעטנדע אין די רייען פֿון דער רויטער אַרמיי. ריפֿן זיי אָפּגעבן אַלע כּוחות דער אַרבעט, וועלכע איז פֿאַרבונדן מיט דער באַדינונג פֿון פֿראָנט. גרייטן זיי צו יענעם מאָמענט, ווען די סכנה קען קומען דירעקט צו זייער שטאָט און ווען זיי וועלן אַלע דאַרפֿן נעמען זיך פֿאַר געווער.

דער „בונד“ דאַרף איצט מיט נײַע קרעפֿטן, מיט אַ נײַער ענערגיע שטעלן זיך בראש פֿון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט און פֿון די אידישע אַרבעטנדע מאַסן, כּדי אָנפֿירן מיט זייער קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם.

דער פּוילישער אַנגריף וועט באַפֿעסטיקן און פֿאַרשטאַרקן דעם גאַנצן רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט און דערנעענטערן אים צום נצחון.

דער פּוילישער אַנגריף דאַרף צוזאַמענשמידן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט און פֿאַראייניקן אים אונטער די פֿאָנען פֿון „בונד“.

א גרוס די ברידער אין אויסלאַנד.

לויטן באַשלוס פֿון דער 12-טער קאָנפֿערענץ איז פֿאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן פֿאָלגנדע ראַדיאָ:

די 12-טע קאָנפֿערענץ פֿון „בונד“, פֿאַרזאַמלט אין מאָסקווע אין 2-טן יאָר פֿון די ראַטן, שיקט אַ ברידערלעכן גרוס די אַלע בונדישע אָרגאַניזאַציעס פֿון יענער זײַט גרעניץ, וועלכע פֿירן אין די באַדינגונגען פֿון בורזשואַזער דיקטאַטור און פּאָגראָם-אַנטיסעמיטיזם זייער העלדנמוטיקן קאַמף פֿאַר די באַפֿרײַאונג פֿון אַרבעטער-קלאַס. די אַלע קרובה׳דיקע אָרגאַניזאַציעס פֿון אידישן פּראָלעטאַריאַט אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער, וואוהין די אידישע אַרבעטער, אַרויסגעקומענע פֿון רוסלאַנד, האָבן מיטגעבראַכט די הייליקע לאָזונגען פֿון אומברחמנותדיקן קלאַסנקאַמף, צוזאַמען אײַנגעפֿלאַנצט אין זיי דורך דער רעוואָלוציאָנערער שול פֿון „בונד“. דער „בונד“ פֿון ראַטן-רוסלאַנד באַגריסט מיט אַ באַזונדער באַגײַסטערונג יענעם מוט, מיט וועלכן דער אידישער פּראָלעטאַריאַט פֿון פּוילן טרעט אַרויס אין דער צאַמאַסקע פֿון ווילדער נאַציאָנאַלער העצע אַקעגן די אימפּעריאַליסטישע פּלענער פֿון דער פּוילישער בורזשואַזיע פֿאַר דעם באַלדיקן שלום מיט ראַטן-רוסלאַנד. די אידישע אַרבעטער פֿון ראַטן רוסלאַנד, צוזאַמען מיטן גאַנצן רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט אויפֿגעשטעלט אויף די וואַנפּאָסטן פֿון דער וועלט-רעוואָלוציע, די אַרבעטער, אויף וועמענס גורל ס׳איז אויסגעפֿאַלן צו זײַן אָנטיילנעמער אין דער בויאונג פֿון דער ערשטער סאָציאַליסטישער מלוכה אין דער וועלטגעשיכטע, אַז זייערע ברידער לויט שפּראַך און קולטור, וואָס האָבן אין די ערטער פֿון עמיגראַציע דורך יאָרן אײַנגעהאַלטן די אידישיסטישע פֿאַרבינדונג מיטן רוסלענדער „בונד“, שטייען אין די ערשטע רייען פֿון גרויסן קאַמף פֿון פּראָלעטאַריאַט אומעטום. וואו ס׳האָט זיי פֿאַרוואָרפֿן דער שיקזאַל. פֿאַר קיינעם קענען ניט זײַן פֿאַרשטענדלעכער און נעהענטער די לאָזונגען פֿון ראַטן רוסלאַנד. פֿאַר קיינעם קאָן ניט זײַן פֿאַרהאַסטער דער געדאַנק וועגן דינען אַ וועקצייג זיי צו פֿאַרניכטן, קיינעם קאָן ניט זײַן טײַערער איר ענדגילטיקער נצחון, איידער די אונטערדריקטעסטע פֿון די אונטערדריקטע, די דרײַמאָל פֿאַרשקלאַפֿטע אידישע פּראָלעטאַריער. צווישן אידישן פּראָלעטאַריאַט דאַרף ניט זײַן קיין אָרט פֿאַר וואַקלונגען. זײַן וועג—איז דער וועג פֿון אַנטשלאָסענעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין די רייען פֿון דריטן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אין די דאָזיקע רייען דאַרפֿן די אידישע אַרבעטער פֿון אַלע לענדער רופֿן מיט זיך זייערע חברים פֿון אַלע נאַציאָנען. אין די דאָזיקע רייען וועלן מיר אַלע צוזאַמען קעמפֿן, ביז מיר וועלן אײַנפֿאַלן די פֿאַרצאַמונגען, וואָס די הערשנדע קלאַסן האָבן געמאַכט צווישן פֿאַרשיידענע לענדער, ביז וואַנען איבער וואַרשע און פּאַריז, לאָנדאָן און ניו-יאָרק וועט זיך אויפֿהייבן די פֿלאַמענדע פֿאָן פֿון די ראַטן און די באַפֿרײַטע מענטשהייט וועט זיך צונויפֿגיסן אין גרויסן אַרבעטער אינטערנאַציאָנאַל.

רעזאָלוציעס

אַנגענומען אויף דער XII קאָנפֿערענץ פֿון „בונד“.

וועגן פֿאַרשיידענע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען אינם אידישן פּראָלעטאַריאַט.

a. וועגן פּועלי ציון.

די XII קאָנפֿערענץ קאָנסטאַטירט, אַז אויף אַ [illegible]

[illegible]

(אײַנשטימיק)

ג. קאָמוניסטישע סעקציעס.

די אידישע קאָמוניסטישע סעקציעס באַוואָרנט [illegible] אַז [illegible] פֿון די אידישע אַרבעטער [illegible]

[illegible]

די סעקציעס לעבן איצט איבער אַ טיפֿן קריזיס. פֿיל ערליכע און אויפֿריכטיקע סאָציאַליסטישע טוער, וואָס האָבן פֿאַרלאָזן די אַלטע פּאַרטייען, זיי זײַנען ניט באַפֿרידיקט געווען דורך זייער פּאָליטישער ליניע. אָבער וואָס האָבן געהאַט אײַנגעהאַלטן דעם פּרינציפּ פֿון אַ זעלבשטענדיקער אידישער אָרגאַניזאַציע, האָבן געמאַכט דעם פּרוּוו מיטן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד און האָבן קאַפּיטולירט [illegible]

[illegible]

(אײַנשטימיק)

רעזאָלוציעס וועגן פּראָפֿעסיאָנעלע באַוועגונג.

אין דער עפּאָכע פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און פֿון דער דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט ווערן די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען פֿון אָרגאַנען פֿון קלאַסנקאַמף אַקעגן דער בורזשואַזיע אָרגאַנען פֿון דורכפֿירן און פֿאַרווירקלעכן די קלאַסנדיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט און געביט פֿון בויען די נײַע סאָציאַליסטישע ווירטשאַפֿט.

2. די צופֿאַלונג פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפֿט, די פֿאַרשאַרפֿונג פֿון קלאַסן קאַמף, וועלכער האָט אָנגענומען די פֿאָרמען פֿון שלוכטלעכן בירגערקריג, דער פֿולער נצחון פֿון ראַטן-רוסלאַנד אויף די אינערלעכע און אויסערלעכע פֿראָנטן—האָבן [illegible]

[illegible] מיטגעהאָלפֿן. אין דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג האָט געשפּילט דורכפֿאַלן די אידעע פֿון „אומאָפּהענגיקייט“ פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג, וועלכע איז געוואָרן אַ צודעק פֿאַר די קעגנער פֿון דער דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט און פֿון דער ראַטן-מאַכט.

3. דער איבערגאַנג פֿון ראַטן-רוסלאַנד פֿון פֿאַרטיידיקונג [illegible] צו די אויפֿגאַבן פֿון פֿרידלעכער בויאונג [illegible] די פֿאַרבינדונג מיט דער קאַטאַסטראָפֿישער לאַגע פֿון דער פֿאָלקס-ווירטשאַפֿט [illegible]

[illegible]

4. [illegible]

5. [illegible]

6. [illegible]

7. [illegible]

די פֿאַרווירקלעכונג פֿון די דאָזיקע אויפֿגאַבן פֿאָדערט אײַנגאַנצן אויף די פֿעיִקייטן פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען.

קאָנסטאַטירנדיק, אַז די איבעראָרגאַניזירונג [illegible] איז אַ פֿאָלגע [illegible] פֿון דער ליניע פֿון צ. ק. אין דער פֿראַגע, און אַז זי אַנטשפּרעכט די באַשלוסן פֿון [illegible] פֿון די פֿאַראיינען, באַשטימט די XII קאָנפֿערענץ:

1) אַז די אויפֿגאַבע פֿון „בונד“ איז—קאָנצענטרירן אַלע קרעפֿטן פֿון אידישן פּראָלעטאַריאַט אַרום די אויפֿגאַבן, וואָס זײַנען אָנגעצייכנט אין די אויבנדערמאָנטע באַשלוסן און רעזאָלוציעס, אין דער שטרעבונג די שאַפֿנדע קרעפֿטן פֿון אידישן פּראָלעטאַריאַט זאָלן זיך פֿולער אַנטפּלעקן און אײַנגענוצט ווערן.

2) אַז אין דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון די דאָזיקע אויפֿגאַבן דאַרפֿן די אָרגאַניזאַציעס פֿון „בונד“ אַרבעטן אין איינעם קאָנטאַקט מיט די אַנטשפּרעכנדע אָרגאַניזאַציעס פֿון ר. ק. פּ. און פֿון אַנדערע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען, וואָס טיילן אונזער פּאָזיציע אין געביט פֿון פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג און שטייען אויף דער פּלאַטפֿאָרם פֿון סאָציאַלער רעוואָלוציע און פֿון דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט.

וועגן III-טן אינטערנאַציאָנאַל.

1. דער אימפּעריאַליסטישער קריג האָט אויפֿגעדעקט אַלע היפּוכים פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. פֿון איין זײַט האָט ער געבראַכט די גאַנצע ווירטשאַפֿט צו אַ טיפֿן קריזיס און אַרײַנגעוואָרפֿן די אַרבעטנדע מאַסן אין אַ תּהום פֿון גרעסטער נויט. פֿון דער אַנדערער האָט ער קאָנצענטרירט אין די הענט פֿון דער בורזשואַזער מלוכה, פֿאַקטיש פֿון די דייטשע גרויסע קאַפּיטאַליסטן און יערן לאַנד דעם מאַקסימום מאַכט, דערברענגענדיק ביזן העכסטן גראַד די רעגולירנדע ראָלע פֿון דער מלוכה און די באַגרענעצונג פֿון דער „עקאָנאָמישער פֿרײַהייט.“—

2. דער אָביעקטיווער אויסוועג פֿון דער געשאַפֿענער לאַגע ליגט נאָר אינם סאָציאַליזם. די איבערטראָגלעכע יסורים און ליידן, די פֿאַרביטערונג און אַנטוישונג שטויסן מיליאָנען אונטערדריקטע צום שטורמישן קאַמף פֿאַר דעם דאָזיקן אויסוועג.

3. פּנים אל פּנים מיט דעם צוזאַמענבראָך פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, אַרײַנגעשלאָסן אין פֿאַרבייסטן קרײַז פֿון ווידערשפּרוכן, וואָס לאָזן ווײַטער אויפֿצושטעלן די ווירטשאַפֿט, מאַכט זיך אַקעגן דעם וואַלקן פֿון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע, ווענט זיך די בורזשואַזיע וועלט פֿאַר אַ מיליטערישן סכנה זי שטרייבט אַז אַלע אירע קרעפֿטן, כּדי צו ראַטעווען איר הערשאַפֿט.

4. פֿון איין זײַט שליסט די בורזשואַזיע אַ פֿעסטן „בונד“ מיט יענע כּוחות, אַקעגן וועלכע זי האָט אַליין אין משך פֿון איר געשיכטע געפֿירט אַ האַרטן קאַמף. זי שטיצט זיך אויף די נאָר איבערגעבליבענע רעשטן פֿון פֿעאָדאַליזם. זי גייט מיט דער אַריסטאָקראַטיע און מיט די גלחים. זי שטיצט אָפֿענע מאָנאַרכיסטישע טענדענצן, נוצט אויס דעם קלעריקאַליזם, זי נוצט אויס געדרונגענע פֿאַנאַטיזם און נײַעם אינטערנעם.

5. די בורזשואַזיע שטעלט זיך אַנטשלאָסן אויפֿן וועג פֿון דער עפֿנטלעכער, אומבאַרחמנותדיקער רעאַקציע. זי גייט אַריבער אין אַ אַנגריף אויף אַלע דעמאָקראַטישע פֿאָרמען. אויף אַלע פֿרײַהייטן, מיט וועלכע ס׳האָבן שמאַלצירט די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע, און טערוריסטישע [illegible]

[illegible]

[illegible]

וועגן דער נאציאנאלער פראגע

[illegible]

וועגן יוגנט בונד

די אנטוויקלונג פון דער רעוואליוציע האט געמאכט די ארגאניזאציעס פון דער ארבעטער יוגנד אין אלע לענדער פאר וויכטיקע פאקטארן פון דער ארבעטער באוועגונג, וואס שפילן די גרעסטע ראליע ניט נאר אין זינען פון ערציהען די יוגנד און צו גרייטן זי צום צוקינפטיקן קאמף, נאר אויך [illegible] פון דירעקטן אנטייל אינם קאמף פון היינטיקן טאג. אין [illegible] די יוגנד [illegible] פון דער רעוואליוציע, [illegible] קלארע רעוואליוציאנערע פאזיציע. דער קאמוניסטישער יוגנד אינטערנאציאנאל באשטייט איצט פון [illegible] צוזאמענפאר, דריקט אויס די שטימונגען און שטרעבונגען פון דער גאנצער רעוואליוציאנערער ארבעטער יוגנד.

די [illegible] פראלעטארישע יוגנד [illegible] מיט די עלטערע חברים [illegible] אלע [illegible] אלע אויפגאבן, וואס ליגן אויף [illegible] מיט געווער אין די הענט אויף די פראנטן, באטייליגנדיק זיך אין דער [illegible] און שאפנדיק [illegible] יוגנד ארגאניזאציעס.

די קאנפערענץ קאנסטאטירט, אז די אידישע פראלעטארישע יוגנד באוועגונג, וועלכע האט זיך [illegible] אונטער דער פאן פון „בונד", און וועלכע האט הינטער זיך [illegible], האט ניט באקומען קיין גענוגנדע [illegible] מצד אונזערע צענטראלע און ארטיקע פארטיי אנשטאלטן, און האט זיך דערביי געפינען אין אומגינסטיקע באדינגונגען. אין דער צייט ווען אין פוילן האט זיך אויסגעבילדעט א שטארקע אידישע יוגנד ארגאניזאציע, וועלכע ארבעט ענערגיש אונטער דער אנפירונג פון „בונד", איז אין [illegible] די פראלעטארישע אידישע יוגנד נאך ווייט פון ארגאניזירט.

אנערקענענדיק די אויסערארדנטליך וויכטיקע ראליע, וועלכע די ערציהונג און ארגאניזירונג פון יונגן ארבעטער-דור דארף שפילן פאר דער רעוואליוציאנערער מארקסיסטישער ארגאניזאציע פון אידישן פראלעטאריאט, באשטימט די 12-טע קאנפערענץ.

1) אונזערע צענטראלע און ארטיקע פארטיי-איינריכטונגען זיינען מחויב אפצוגעבן די גרעסטע אויפמערקזאמקייט דער ארגאניזירונג פון דער אידישער ארבעטער-יוגנד און דער אויפהייבונג פון איר קולטורעלן מצב.

2) דער צ.ק. פון „בונד", וואס ווערט איצט אויסגעקליבן דארף אנווענדן אלע מיטלען אויף באדינען די יוגנד-באוועגונג מיט פינאנצן, מענטשן, ליטעראטור און טעכנישער הילף.

3) די ארטיקע קאמיטעטן זיינען מחויב אנצונעמען ענערגישע מיטלען אויף אויסבויען ארגאניזאציעס פון יוגנד-בונד דארט, וואו זיי זיינען נאך ניטא, און פארשטארקן זיי דארט, וואו זיי זיינען פאראן.

4) עס דארפן באשאפן ווערן באזונדערע קלובן פארן יוגנד-בונד, ארגאניזירט ווערן לעקציעס, לעזע-זאלן, ביבליאטעקן, אוונט-שולן און אזוי ווייטער.

5) כדי די גאנצע ארבעט פאר דער אידישער ארבעטער-יוגנד זאל ווירקליך דורכגעפירט ווערן, באשטימט די קאנפערענץ, עס זאל באשאפן ווערן בײַם צ. ק. א ביורא פון יוגנד-בונד, וועלכער זאל אנפירן מיט דער גאנצער ארבעט פון ארגאניזירן די אידישע פראלעטארישע יוגנד אונטער דער פאן פון „בונד".

די 12-טע קאנפערענץ רופט אלע אידישע יונגע ארבעטער אין די רייען פון „יוגנד-בונד", כדי צוזאמען און ארגאניזירט באטייליקן זיך אין קאמף פון אידישן און פון אלוועלטליכן פראלעטאריאט פארן סאציאליזם, און כדי אריבער דער גרעניץ צו פאר-בינדן זיך מיט די יונגע אידישע ארבעטער פון אקי-פאציע און פון פוילן, וועלכע פירן זייער העלדנמו-טיקע ארבעט אונטער דער בורזשואזער דיק-טאקור.

יונגע אידישע ארבעטער, אלע אונטער די פאנען פון דער וועלט רעוואליוציע!

זאל לעבן די אידישע ארבעטער-יוגנד, ארגאני-זירט אונטער דער פאן פון „בונד"

קארעספאנדענצן.

פענזע.

מיר האבן שוין געשריבן אין אונזער לעצטער קארעספאנדענץ, ווי אזוי עס ארבעט אונזער קליינע ארגאניזאציע זינט דעם לעצטן בריוו האבן מיר אונ-זער ארבעט רעגולער פארגעזעצט. אויף דעם לעצטן גיבערנסקן ציזאמענפאר פון ראפ. פאראייניגן האבן מיר געהאט אונזער דעלעגאט. די קאמוניסטן שטערן אונז אין דער ארבעט ניט. מיט די מענשעוויקעס האבן מיר קיין „ציזאמענגען" ניט. ווייל זיי האבן באשלאסן צו באהאלטן די ייאדן אין שטאטישן ראט.

די לעצטע צייט האבן מיר דורכגעפירט אונ-זערן א חבר פאר א אידישן אינסטרוקטאר בא דער ארטיקער בילדינגס אפטיילונג. ער האט ארגאניזירט א אידישן ראט פאר פאלקס בילדונג אויף פאלגנדע יסודות: צוויי פארשטייער פון „בונד", צוויי פון פועלי ציון צוויי פון דער אידישער לערערשאפט, צוויי פון ארבעטער-קליב אויפן נאמען פון קארל מארקס דאס איז אונזער קלוב און צוויי אויפן נאמען פון בראכאוו קליב די פארשטייער פון מארקס קליב זיינען בינדיסטן. איינער פון די לערער שטייט אין קילטור-פראגן אויף אונזער פלאטפארם, דער פארזיצער פון ראט פון פאלקס בילדונג איז א בינדיסט דער ראט ציזאמען מיטן אינסטרוקטאר גיט אכטונג אויף אלע אידישע קולטור-אנש-טאלטן.

די לעצטע צייט האבן מיר באטראכט אויף פאר-זאמלונגען דעם טאג ארדנונג פון דער 12 טער קאנ-פערענץ. די רעזאליוציעס שיקן מיר אייך צו.

ר. פישער.

פון דער רעד. צוליב מאנגל אין ארט קע-נען מיר די רעזאליוציעס ניט דרוקן. זיי זיינען ווע-גען די רעזאליוציעס אויף דער 12-טער קאנפערענץ.

מעלדונגען.

איך ווענדע זיך מיט א חברשער בקשה איבער-צוגעבן דער פאמיליע פון משה פינקלשטיין (וואל-דער) פון ייארשע וועלכע איז געפארן אין אקטאבר 1918 אין יעליסאוועטגראד אז איך געפין זיך אין קאזאן אין בין געזינט.

משה פינקלשטיין פון וואַרשע.

איך בעט אלע חברים פון פוילן און אויך די דארטיקע בונדישע צייטונגען איבערצוגעבן מיין פא-מיליע אין דערעטשין, גראדנער גוב. אז איך בין גע-זינט און לעבן זיך אין מאסקווע אויף ווירטשאפטליכע קירסן. מיין אדרעס:

Москва Остоженка Савеловский пер. 8 кв. 10 Г. Донат.

אין פאנד פון „וועקער".

זיינען אנגעקומען פאלגנדע סומען:

פון ח. ריבינשטיין פאר דער בשורה וועגן בא-פרייען זיין ברודער אין דער אקיפאציע פון טירמע 300 ר. פון ה. שמואל גירעוויטש פון באריסאוו 100 ר. פון ה. טעלאפקין פון סמאלענסק, אנשטאט א קראנץ אויפן קבר פונם געהרגעטן דורך די פוילישע לעגיאנערן ביים ערפילן זיינע פארטיי-שליחות דעם חבר און פריינד ניח גוטשטאט (אביגדור) 1000 ר. פון ה. משה פינקלשטיין פון קאזאן 300 ר.

בסיה 1800 ר.

אין פאנד פון די מאביליזירטע חברים.

פון ריבינסקער ארגאניזאציע פון „בונד" — 1024 ר.

סמאלענסק.

איבערהערנדיק דעם באריכט וועגן דער XII קאנ-פערענץ, קאנסטאטירט די אלגעמיינע פארזאמלונג פון סמאלענסקער ארגאניזאציע, אז די אויסגעארבעטע ליניע און אנגענומענע באשלוסן שפיגלען אפ ריכטיק דעם פאקט אין דער ריכטונג פון „בונד" און פון דער אידישער ארבעטער-באוועגונג בכלל. דער פאקט, וואס א גרויסע מערהייט, וועלכע רירט אויס דעם מיינונג פון קליינע גרופן מינ-דערהייט געשטיצטע און אפגעשטאנענע ארבעטער האט פאראייניקט די קאנפערענץ. די פארזאמלונג מיטגלידער פון בונד, זיי זאלן איינגער שליסן די רעוואליוציאנערע רייען צום קאמף ביזן ענדגילטיקן נצחון פון קאמוניזם. סמאלענסקער ארגאניזאציע פון „בונד" באגריסט היים די אנגענומענע רעוואליוציע, שליסט זיך אן צו די אנגענומענע באשלוסן און פאר-פליכטעט אלע מיטגלידער גלייך און ענערגיש צו-טרעטן צו זייער פארווירקליכונג.

סמאלענסקער ארגאניזאציע פון בונד רופט אלע סמאלענסקער אידישע ארבעטער מיטהעלפן דעם „בונד" אין זיינע גרויסע אויפגאבן, וועלכע ער טרעט צו צו פארווירקליכן.

אלע אידישע ארבעטער צום קאמף פארן קאמוניזם!

אלע אונטערן פאן פון „בונד"!

אויף דער פארזאמלונג איז געווען 46 מיטגלידער אנגענומען מיט אלע שטימען קעגן 1, וועלכער האט געמאלדן, אז ער טרעט ארויס פון דער ארגאני-זאציע.

סאלאשטשי.

שבת דעם 24־טן אפריל איז בא אונז פארגעקומען אן אלגעמיינע פארזאמלונג, וואו דער חבר זלאטקין האט אפגעגעבן א באריכט וועגן דער 12 קאנפערענץ פון „בונד". מיט 24 שטימען בא 4 אפגעהאלטענע איז אנגענומען געווארן פאלגנדע רעזאלוציע.

אויסהערנדיק דעם באריכט פון חבר זלאטקין וועגן דער 12 קאנפערענץ, באשטימט די סאלאטשינער ארגאניזאציע פון „בונד":

1) דאס די רעזאלוציעס פון דער XII קאנפערענץ דריקן ווירקליך אויס דעם ווילן פון אידישן ארבעטער.

2) אז נאך א לאנג דויערנדן פראצעס האט זיך דער „בונד" ווירקליך געשטעלט אויף דעם ריכטיקן רעוואליוציאנערן וועג.

3) מיר זיינען גרייט דורכצופירן די אלע רעזאליוציעס אין לעבן.

זאל לעבן דער אידישער ארבעטער בונד און די רייען פון אלרוסישער ארבעטערקלאס און פון זיין פארטיי ר. ק. פ.

מיר ווינשן דעם נייעם צ. ק. פרוכטבאר צו פירן זיין ארבעט.

וויטעבסק.

לויטן באשלוס פון צ. ק. האבן מיר אויסגע-טיילט א צייטווייליקן גובערניאלן קאמיטעט אין פאלגנדן צוזאמענשטעל: פארזיצער ח' פ. וואלפסאן געהילף ז. קארשאקאוו. סעקרעטאר—ח' ג. מלמד און מיטגלידער פון קאמיטעט — ח"ח ריבקין און פאני-זאווסקי (נעוויל).

דער קאמיטעט איז שוין צוגעטראטן צו דער ארבעט. ער האט אנגעמערקט א גאנצע ריי שטעט, וואו מ'דארף שאפן בונדישע ארגאניזאציעס, און א ריי שטעט, וואו מ'דארף פארשטארקן די עקזיסטירנדע גרופעס.

א ריי חברים צופארן זיך די וואך אין אלע שטעט און שטעטלאך פון אונזער גובערניע, כדי אויסצופילן די באשלוסן און אויפגאבן פון גוב. קאמיטעט.

ס'איז נאך פאראן שטערונגען, וועלכע פארמא-זירן די ארבעט, ווי צ. ב. דער מאנגל אין געלד-מיטלען, נאר מיר האפן די שטערונגען אויס-מיידן.

לויטן באשלוס פון צ. ק. האבן מיר געמאלדן אין דער פרעסע, אז שטעמפלען מיטן קעפל ר. ס. ד. א. פ. זיינען מער ניט גילטיק, אז איצט מוזן די שטעמפלען האבן נאר דעם אויפשריפט, אלג. איד. ארב. „בונד".

דער שטאט קאמיטעט גרייט זיך ענערגיש צום ערשטן מאי. ער האט ארויסגעלאזן א פלוג-בלעטל ארדנט און א קאנצערט-מיטינג, נעמט אנטייל אין שבת און זונטאג-ארבעט.

די ארבעט אין די בונדישע קאלעקטיוון פאר-שטארקט זיך. דער קאמיטעט האט אנגענומען א ריי מיטלען צו פארשטארקן די טעטיקייט אין די קא-לעקטיוון, און א ריי אינטערנעמונגען ווערן געשאפן ביים קאלעקטיוו.

אין אלגעמיין באמערקט זיך, אז נאך דער 12-טער קאנפערענץ איז שטארק געוואקסן דער אינ-טערעס צו די ארבעטער-מאסן צו אונזער ארבעט אזוי צום ביישפיל, אויף דער פארזאמלונג פון ד. שטריקערקעס, וואו ס'זיינען געווען ביז 80 חברטעס, זיינען פון 7 דעלעגאטן אויף דער אונפארטייאישער קאנפערענץ, 6 אויסגעקליבן בונדיסטן.

מיר פירן איצט דורך דעם איינטאניקן אפצאל פון די שכירות, וועלכער גיט זעהר גוטע רעזול-טאטן. דער לעצטער טערמין פון אריינטראגן דעם אפצאל איז באשטימט — דער 10 מאי.

דעם 27-טן אפריל האבן די וויטעבסקער דע-לעגאטן אויף דער 12-טער קאנפערענץ, די ח"ח נא-דעל און ריווקין אפגעגעבן א באריכט וועגן דער 12-טער קאנפערענץ. דער פארטראג האט צוגעצויגן א גרויסן עולם. נאכן באריכט איז איינשטימיק אנגענומען גע-ווארן פאלגנדע רעזאלוציע:

„אויסהערנדיק דעם באריכט וועגן דער 12-טער קאנפערענץ, דריקט אויס די וויטעבסקער ארגאני-זאציע פון „בונד" איר פולע באפרידיגונג מיט אירע אלע רעזאלוציעס און באשלוסן, באגריסט די נייע תקופה אין דער אידישער ארבעטער-באוועגונג, וועל-כע ס'עפנט זיך מיט די באשלוסן און זייער פאר-ווירקליכונג אין לעבן, און ערקלערט איר גאנצע גרייטקייט זיך מקריב צו זיין, כדי צו פארווירקליכן זיי אין לעבן".

„די וויטעבסקער ארגאניזאציע פון „בונד" בא-גריסט די חברים פון צ. ק. פון „בונד" און רופט זיי צו דער פאלשטענדיקער פארווירקליכונג פון די אלע באשלוסן אין לעבן.

די פארזאמלונג איז דורכגעגאנגען מיט גרויס אינטערעס און ענטוזיאזם.

וועגן אונזער ווייטערדיקער ארבעט וועלן מיר אייך גלייך מודיע זיין.

ווארא נעזש.

(טעלעגראפיש).

באטראכטנדיג דעם באריכט פון דעם דעלעגאט אויף דער XII קאנפערענץ פון „בונד", פאראייניגט זיך די ווארא נעזשער ארגאניזאציע פולקום מיט אלע אנגענומענע באשלוסן.

רעדאקטאר מ. פרומקין—וויכמאן (אסתר)

ארויסגעבער: צ. ק. פון „בונד".

11-я тип. Моск. Гор. Сов. Нар. Хоз быв. „Атид" [illegible]

פראלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניקט זיך!
אלגעמיינער אידישער ארבעטער „בונד".

פרייז 5 ר.

דער וועקער

צענטראל ארגאן פון „בונד" אין ראטן-רוסלאנד

ערשיינט צײטווייליק אין מאסקווע

צײטווייליגער אדרעס פון צ. ק.: Москва, 2 дом Советов кабинет 9 бюро Цекабунда

№ 654
מאסקווע
שבת דעם 29-טן מאי
1920

אדרעס פון רעדאקציע:
2-ой Дом Советов.
9-й кабинет.

אכטונג קאמיטעטן פון „בונד"!

דער אדרעס מאלעטיקא קאמארעשיאנאווסקי [illegible] 8 [illegible] קיין [illegible] זיין, וועלכע בריוו און טעלעגראמעס און מיט וואסער אינהאלט מ׳האט געשיקט אויף דעם אדרעס. דער „איינציקע" אדרעס איז:

Москва, II Дом Советов,
кабинет 9, Цекабунда.

[illegible]

[illegible]

פארגעמען אין די שלום-אונטערהאנדלונגען מיט אונז א פארשלעג [illegible]. זיי ווארטן אויך.

די גרויסע און קליינע רויבער האבן זיך איבגערודערט: אפשר וועט זיך איצט איינגעבן דאס, וואס דאס זיך ניט איינגעגעבן דורך קאלטשאק, יודעניטשן און דעניקינען. דער שווארצער אינטערנאציאנאל עפנט א נייע קאמפאניע אקעגן דער רוסלענדער רעוואלוציע.

אבער אקעגן דעם שווארצן אינטערנאציאנאל גרופירן זיך אלץ ענגער, אלץ צאלרייכער, אלץ אנטשלאסענער, די כוחות פונם רויטן אינטערנאציאנאל, פון דעם אינטערנאציאנאל, וועלכן ס׳געהערט די צוקונפט.

[illegible]

ציפלין, ווייל מיר זיינען געוווינט צו [illegible]. דער ווילן פון אונזערע אויספירנדע איינריכטונגען האט זיך שטענדיק געשטיצט אויף דעם [illegible] אויסגעשפראכענעם ווילן פון אונזערע פארטיי-מאסן. א אויסטויש פון מיינונגען, א שטענדיקער קאנטראל פון דער גאנצער ארגאניזאציע, א פעסט איינגעשטעלטע פאראנטווארטלעכקייט פון די אנפירנדע איינריכטונגען פאר אלע מיטגלידער — דער געזונטער דעמאקראטיזם וואס איז שטענדיק בא אונז געווען, מוז און וועט בלייבן. מ׳מוז אבער [illegible] דעם אפאראט אויפן סימן פון ארבעט, פון טאטן, [illegible] דערגרייכן. אז אלץ, וואס איז באשלאסן זאל אינבאדינגט [illegible] דורכגעפירט ווערן אין לעבן.

דעריבער איז פריהער פון אלץ נייטיק אונזער פארטיי-אפאראט זאל זיין א פארצווייגטער, ס׳זאלן אין אלע געביטן פון ארבעט [illegible] פון אונזער פארטיי ארגאניזאציע.

[illegible]

צוגעוואוינען ארבעטן ווי א מלוכה-ארגאן און ווי א גוסער מלוכה-ארגאן, וואס ווייס, אז איין פארשפעטיגונג אויף א האלבע שעה קען דערנאך פאדערן וואכן איבעריקע ארבעט און גרויסע פארלוסטן.

באזונדערס ווילט זיך ריידן וועגן דער פינקטליכקייט. בא-אונז איז ווער א שעדליכע ירושה זיך ניט צו רעכענען מיט דער צייט. א פארשפעטיגונג אויף א שעה — אויף צוויי — שפילט בא אונז קיין ראליע ניט. הונדערט מענטשן פארלירן פאר איין מאל צוויי הונדערט שעה, ד. ה. א גאנצער חודש ארבעטס-צייט. דאס איז אזא פארשווענדונג פון צייט און ענערגיע, וואס איז אונערהערט אין אייראפא און אן-אמת׳ער פארברעכן בא אונזערע באדינגונגען: די וואס שטעהען בראש דארפן דינען פאר א ביישפיל. מ׳מוז איינפירן א גאנצע רייע מאראלישע שטראפן פאר די אונפינקטליכקייט. מ׳מוז מעלדן דעם שארפסטן קאמף קעגן פארשפעטיגונגען. מ׳מוז דורכפירן א גרויסע ערציהונג׳ס-ארבעט. באשאפן נייע געוואוינהייטן. מיר דארפן אין דעם פרט ווערן נייע מענטשן.

זאלן אונזערע חברים זיך ניט שרעקן פאר אזא ארבעט. ס׳איז שווער דער אנפאנג. וועלן דאס די אנפירנדע איינריכטונגען איינפירן און שטרענג און סיסטעמאטיש דורכפירן אין א משך פון א חודש צייט, וועט זיך דאס געוויס בא אונז איינפלאנצן. דערנאך וועט שוין אלץ גיין לייכט ווי א געוויינליכע זאך. מ׳דארף זיך נאר די ערשטע צייט אנשטריינגען.

כדי דער אפאראט זאל גוט און לעבעדיק ארבעטן, דארף דער גאנצער מענטשן-מאטעריאל פון אונזער פארטיי זיך געפינען אין אונזער פילקאמען רשות. אלע אקטיווע מיטגלידער מוזן אונבאדינגט און פינקטליך ערפילן אלע באשלוסן פון די אנפירנדע איינריכטונגען בנוגע צו זיי. אין דער הינזיכט זיינען מיר אן-ארמעע. אין אונזער אפאראט איז א מיליטערישער, אז ניט קענען מיר ניט זיין קיין פארטיי פון טהאט, אז ניט זיינען מיר א פאליטישער קלוב.

אין רשות פון די גובערניאלע און ראיאנ׳ס-קאמיטעטן דארפן זיך געפינען אלע פאראנטווארטליכע טוער פון גובערניע און ראיאן. א ספעציעלע ליסטע פון אזוינע טוער דארף איינגעפירט ווערן ביים גובערניאלען קאמיטעט, רעגולירט אויף דער גענויער רעגיסטראציע. מיט א גענויער אנווייזונג פון אלע ארבעטן, וועלכע ס׳ערפילט יעדער אזא חבר, פון אלע ענדערונגען אין זיין ארבעט. דאס איז דער באוועגליכער מענטשן-מאטעריאל פון אונזער פארטיי. ס׳איז זעלבסטפארשטענדליך, אז די אלע קרעפטן געפינען זיך אויך אין רשות פון צ. ק. דער צ. ק. קען זיי באניצן איבער׳ן גאנצן שטח פון אונזער פארטיי ארבעט און אלע זיינע באשלוסן דארפן ערפילט ווערן שנעל און פינקטליך.

די גאנצע טעכניק פון אונזער אפאראט [illegible] רעקטאריאט, די [illegible] געשעפט-פירונג דארף צוגעפאסט ווערן צו די אנגעמערקטע אויפגאבן.

מיר לייגן ניט פאר עפעס נייעס. וועגן דעם אלעם האבן מיר שוין פיל גערעדט און טיילווייז דורכגעפירט אין לעבן.

נאר איז געקומען די צייט, ווען די גאנצע פראגראם קען און מוז גלייך פארווירקליכט ווערן. מיר דארפן זיך דערמאנען די אלטע ציילן און טראדיציעס. מיר דארפן ארא[illegible] און אפשטויסן פון פלאפלעריי און האמלעטיזם.

מיר מוזן ווערן א פארטיי פון מעשים.

אלע קרעפטן דארפן אויף דעם אנגעווענדעט ווערן.

א. [illegible]שטיין

[illegible]

[illegible]

פון דער שווייצערישער ארבעטער באוועגונג.

[illegible]

מענשעוויסטישער געדאנקען-גאנג אין די מוחות פון די שווייצער פארטיי-פיהרער. גרים האט געזיגט מיט א מערהייט פון 2 שטימען. גאנצע 18 שטימען האט ער געהאט געגען זיך. אויף דער זעלביקער זיצונג פונם 20-טן מארס זיינען די שווייצער יוגנד-ארגאניזאציאן און די שווייצער קאמוניסטישע פארטיי ארויסגעווארפן געווארן פאר זייער רעוואלוציאנערע טאקטיק און פאר זייער שטרעבן איבערצורייסן מיט דער פארטיי, וואס שטעהט פראקטיש טיף אין א זומפ פון אפארטוניזם. די פראקטיק פון דער שווייצער פארטיי האט א דאפעלטן פנים: זי שטרעבט צו דער צוקונפט, שטייט נאך אבער מיט ביידע פיס אין א מענשעוויסטישער פארגאנגענהייט. יעדעס מאל ווען זי פרובט ארויסצוקומען פון קלעם, פאלט זי אין אים ווידער אריין דורך א הינטערטיר.

שוין דאס צווייטע מאל איבערראשט אונז די שווייצער פארטיי מיט ראדיקאלע באשלוסן. זי איז די ערשטע פארמעל ארויס פונם 2-טן אינטערנאציאנאל און האט אים אויף אזא אויפן געגעבן דעם ערשטן טויטליכן שטויס. איצט האט זי די ערשטע דורכגעבראכן דעם פראגנס קאאוטסקי-לאנגע-מאקדאנאלד געגן מאסקווע. דער דאזיקער ראדיקאליזם איז איצט מער א געצוואונגענער, אבער זיין ווייטערדיקע אנטוויקלונג איז אומפארמיידליך. צום ראדיקאליזם טרייבן די שווייצער פארטיי-פירער די מאסן, וועלכע שטייען איצט אין ריזן-שטרייקן פאר דער פארווירקליכונג פונם 8-שעה׳דיקן ארבעטס-טאג; עס טרייבט זיי דערצו די שווארצע רעאקציע אין לאנד, וועלכע באוואפנט די פויערן, גרייטנדיק זיך צו א גרויזאמען חשבון מיטן פראלעטאריאט; עס צווינגט זיי דערצו די אינטערנאציאנאלע לאגע, וועלכע פארלאנגט א רעוואלוציאנערן אינטערנאציאנאל, און עס צווינגט זיי ענדליך די איינפאכע לאגיק ארויסצוקומען פון קלעם.

די שווייצער פארטיי מארשירט אויף לינקס און בילדעט אין דעם דאזיקן מארש אירן דעם פארפאסטן פונם אייראפעאישן מענשעוויזם, וועלכער דערנעהנטערט זיך ווילנדיק ניט ווילנדיק צום פערפאינען באלשעוויזם. דאס איז אן אביעקטיווער פאקט. דער דאזיקער פראצעס איז נאך ניט אפגעשלאסן. דאס זיינען נאך האלבע פריינד פון III-טן אינטערנאציאנאל, אויף וועלכע ער דארף זיך נאך ניט פארלאזן. אבער די געשיכטע איז פאר אים און ארבעט פאר אים פיל בעסער, ווי ער וואלט עס געקענט מאכן דורך יאגן זיך נאך פארבייען, וועלכע זיינען נאך אנגעשטעקט מיט אפארטוניזם-באצילן. דער 3-טער אינטערנאציאנאל איז בכוח צו ווארטן, ביז די געשיכטע וועט איר דעזינפעקציאנס-ארבעט פארענדיקן.

מאיר מילשטיין.

א אידישער ארבעטער-מיטינג וועגן דער מלחמה.

זונטאג דעם 23-טן מאי איז אין מאסקווע פארגעקומען א מיטינג וועגן דער מלחמה מיט פוילן, צונויפגערופן דורך די מאסק. וועד קאמיטעטן פון „בונד" און פאראייניקטער אידישער סאציאליסטישער פארטיי. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואס די מודעות זיינען צוליב טעכנישע סיבות זייער שפעט אויסגעקלעפט געווארן, איז געקומען א באדייטנדער עולם, וועלכער האט זייער [illegible] אויפגענומען די רעדנער. עס זיינען ארויסגעטראטן פון „בונד" ח. ווינשטיין און אסתר, פון די פאראייניקטע ח. ליטוואקאוו און אבן-טוב. עס איז איינשטימיק אנגענומען געווארן פאלגנדע רעזאלוציע:

I. דאס אומאפהענגיקע פוילן, וועלכעס איז ארויסגערופן געווארן צום לעבן דורך דער רעוואלוציע אין רוסלאנד און אין דייטשלאנד, האבן די פוילישע פריציש-קאפיטאליסטישע קלאסן פארוואנדלט אין א ווערקצייג אין די הענט פון דער אימפעריאליסטישער אנטאנט, וואס שטרעבט צו דערשטיקן די פאקומענדיקע סאציאליסטישע וועלט-רעוואלוציע אין געשטאלט פון איר העלדישן אוואנגארד — די רוסלענדערשע און אוקראינישע ראטן-רעפובליק.

II. א אימפעריאליסטישער בלאק פון פריצים און קאפיטאליסטן, געשטיצט אויף דער גרינגער מאסע פונם פארטעמפטן און שאוויניסטישן קליינבירגערטום און פארפינט דורך דער אידעאלאגיע פון פשרה-מאכערישן סאציאליזם, האט אין פוילן געבראכט צום רעזשים פון דער אזוי אנגערופענער דעמאקראטיע, וואס זייענדיק איצט, אין דער עפאכע פון דער סאציאליסטישער רעוואלוציע, אומעטום דאס מעכטיקסטע געווער פון דער בורזשואזיע אין איר קאמף קעגן דער אנטשטעהענדיקער דיקטאטור פונם פראלעטאריאט, באקומט זי אין פוילן א מער בולטן רעאקציאנער אימפעריאליסטישן באטייט צוליב דעם אייגנארטיקן נאציאנאלן באשטאנד פון איר באפעלקערונג און דער [illegible] שכנות מיט די פראלעטאריש-פויערשע רעפובליקן פון רוסלאנד און אוקראינע.

III. געטריבן פון דרויסן דורך דער אימפעריאליסטישער אנטאנט און פון אינעווייניק געשראקן פון דער אלץ שטייגנדיקער רעוואלוציאנערער באוועגונג פונם פוילישן און אידישן ארבעטער-קלאס, וועלכער ווערט אלץ מער ארייגעצויגן אין קאמוניסטישן קאמף פאר דער פראלעטארישער דיקטאטור, מוז די פריציש-קאפיטאליסטישע רעאקציע אין פוילן מיט אירע סאציאל-פשרה׳דיקע אנפירער בראש זיך לאזן אויף אויסערליכע אווענטורעס, פארכאפן אלץ נייע קאנטן און דערשטיקן די שכנות׳דיקע ארבעטער-פעלקער; זי מוז שליסן אפמאכן מיט פאראייניגונגען פון רויבערשע באנדעס פון פעטלוריסן שניט און פירן צוזאמען א פארניכטנדיקע פאגראם-פאליטיק, באזונדערס בנוגע צו דער אידישער באפעלקערונג.

IV. די רוסלענדער ראטנרעפובליק האט דעקלארירט און פירט דורך אין לעבן די פאקטישע באפרייאונג פון אלע נאציעס. זי קעמפט פאר דער אויסלייזונג פון אלע ארבעטס-פעלקער און צוזאמענבונד מיט די אויפשטייענדיקע ארבעטס-מאסן פון אלע לענדער. דעריבער איז דער נצחון פונם ראטן-רוסלאנד אין דער מלחמה, וואס ס׳האט געגן איר אנגעהויבן די פוילישע רעאקציע, אויך דער נצחון פונם פוילישן ארבעטס-פאלק און די גרעסטע גאראנטיע פאר ענדגילטיקן זיג פון דער סאציאליסטישער וועלט-רעוואלוציע.

V. דער אידישער ארבעטער קלאס, אלס אן ארגאנישער טייל פונם אינטערנאציאנאלן פראלעטאריאט און אלס דער טרעגער פון דער צוקונפט פונם אידישן ארבעטס-פאלק, וואס איז דורך דער אימפעריאליסטישער מלחמה צעריסן געווארן אויף שטיקער און ווערט דורך דער אינטערנאציאנאלער קאנטר-רעוואלוציע ממש פארניכטעט, האט זיך אין געשטאלט פון זיין ארגאניזירטן אוואנגארד ענדגילטיק און פעסט איינגעשלאסן אין דער קאמוניסטישער קאמפס-מחנה און האט פארבונדן זיין גורל מיטן גורל פון דער סאציאליסטישער וועלט-רעוואלוציע און פון איר העלדישן אוואנגארד די ר.ס.פ.ס.ר. און איר נצחון איבער דעם ווייסגווארדייאישן פוילן וועט [illegible] דער אידישער פראלעטאריאט די פארווירקליכונג פון זיינע קלאסן-שטרעבונגען און די ערבות פאר דער אויסלייזונג און באפרייאונג פון די אידישע ארבעטס-מאסן פון אלע לענדער.

דער מיטינג, צוזאמענגערופן דורך דער מאסקווער ארגאניזאציע פון „בונד" און די פ. א. ס. א. פ. רופט [illegible] דעם אידישן פראלעטאריאט און די ברייטסטע אידישע ארבעטסמאסן פון רוסלאנד און אוקראינע מיט זייער גאנצער ענערגיע און באגייסטערונג קעמפן סיי אין לאנד, סיי אויפן פראנט פארן נצחון פון אונ

זערע סאציאליסטישע ראטן-מלוכות אין דער מלחמה קעגן דעם פריציש-קאפיטאליסטישן פוילן.

דער מיטינג שיקט זיין קאמוניסטישע באגריסונג דעם רעוואלוציאנערן אוואנגארד פונם פוילישן ארבעטער-קלאס און די ארגאניזירטע ברידערליכע טיילן פונם אידישן פראלעטאריאט וועלכע פירן אזוי העלדיש דעם געמיינזאמען קאמף קעגן דער אימפעריאליסטישער רעגירונג אין זייער אינטערנאציאנאלע און נאציאנאלע פארפליכטונגען צום קאמף פאר דער דיקטאטור פון פראלעטאריאט און נאך דעם זיג פון דער סאציאליסטישער רעוואלוציע אונטער דער פאן פונם דריטן אינטערנאציאנאל.

לעבן זאל די [illegible] לעבן זאל דער פראלעטאריאט [illegible] לעבן זאל די ראטנרעפובליק אין פוילן. לעבן זאל די ראטנרעפובליק אין דער גאנצער וועלט.

אין דער מאסקווער קולטורליגע.

די לעצטע צוויי פארזאמלונגען פון דער מאסקווער קולטורליגע האבן צוגעצויגן א גרויסן עולם און זיינען דורכגעגאנגען מיט א שפאנענדן אינטערעס. די פאטריארכאלישע היימישע אבי[illegible] בעל-הביתישע אטמאספער, וואס האט זיך איינגעשטעלט אין [illegible] אין ערב איבן, האט זיך אינגאנצן געביטן. [illegible] ארויסגעטראגן געווארן דער [illegible] אין דעם [illegible] ארגאניזאציע, וועלכע האט [illegible] איבערגריפירונג, [illegible] אידישן ארבעטער [illegible] קולטורליגע.

די [illegible] ארבעט [illegible] געזאגט [illegible] סאציאליסטישע ארגאניזאציעס האט אינגאנצן איגנאָרירט די אידישע [illegible] אין אידיש-[illegible] [illegible] זיינען [illegible] געווארן [illegible] אין דער קולטורליגע האבן זיך [illegible] מיטע [illegible] די רעכטע [illegible] זיינען [illegible] ניט [illegible].

[illegible] די קולטורליגע [illegible] פאליטיש באשטימט [illegible] פארלירנדיק [illegible] אימפאָרטירטע [illegible] [illegible] האט זיך איצט [illegible] ווייטע מיטע גריפירונגען האבן מיר ניט געזאגט אויף דעם מערהייט. מיר האבן בלויז געשטרעבט אריינטראגן פאליטישע קלארקייט און צונויפשמידן אלע קאמוניסטישע כוחות אין דער קולטורליגע. די רעכטע האבן מאביליזירט אלע זייערע אנהענגער און זיינען געווען זיכער אין זייער נצחון.

מיר האבן זיך אויפגערעדט צוזאמען מיט די פאראייניקטע, קאמוניסטן און מיטפילנדע. די קאמוניסטן ד. צ. וועלכע האבן זיך צופעליק ניט באטייליקט אין אונזער בארעטונג און זיינען ניט געווען מסכים מיט דער טאקטיק פון אונזער רעזאלוציע, האבן ערקלערט, אז זיי גיבן אפ זייערע שטימען פאר אננעמען זי אלס א באזע און וועלן אריינטראגן איבערענדערונגען.

אפגעשטימט זיינען געווארן דריי רעזאלוציעס. אונזער רעזאלוציע אריינגעטראגן אין נאמען פון די איבן-דערמאנטע גרופן, די רעזאלוציע פון די רעכטע וועלכע פאדערט פרייהייט און „אומאפהענגיקייט" פאר דער קולטורליגע און די רעזאלוציע פון די פועלי ציון ס. ד. וועלכע באטאנט די נויטווענדיקייט פאר דער קולטורליגע איבערצוגעבן די ארבעט, וואס זי פירט אין מלוכה-מאסשטאב צו אידישע מלוכה-ארגאנען און צו ארבעטן האנט בא האנט מיט דער ראטנמאכט, פארשווייגט אבער אינגאנצן די פאליטישע זייט פון דער פראגע. קורץ, א „צענטער"-רעזאלוציע.

בא דער ערשטער אפשטימונג האט אונזער רעזאלוציע באקומען 60 שטימען, די רעכטע 52 און די „צענטער" 23. בא דער איבערשטימונג האבן די פועלי ציון ס. ד. אפגעגעבן זייערע שטימען פאר אונזער רעזאלוציע, וועלכע איז אנגענומען געווארן מיט 72 שטימען קעגן 48. די רעזאלוציע וועט געדרוקט ווערן אין קומענדיקן נומער.

[illegible] אין [illegible] אינטעליגענטיש קליין-בירגערליכער מאסקווער קולטורליגע, וועלכע איז ניט אזוי [illegible] קיין דאמפאקטע אידישע ארבעטער נאכן, דאס זיך געפונען א מערהייט וועלכע [illegible] ערפילן [illegible] אין [illegible] ציון [illegible] שטימונג [illegible] טענדענצן בילדן [illegible] אינגאנצן [illegible] אין [illegible] פראלעטאריאט. אפילו אז אין דער עפנטלעכער [illegible] פון [illegible] געבליבן אין דער מינדערהייט, [illegible] אין סימפאטיזירנדע [illegible] די קולטורליגע דארף ארבעטן [illegible] מיט דער ראטנמאכט. [illegible] גייסט פון דער פראלעטארישער דיקטאטור. אדער אפרייסן [illegible] פון ארבעטער-קלאס און פארמישפן זיך [illegible].

א. עפלבוים.

פון דער אקופאציע.

מינסק.

[illegible] אויף דעם [illegible]

[illegible]

א קארעספאנדענט פון מינסק.

די מאביליזאציע פון די מיטגלידער פון בונד.

וויטעבסק (טעלעגראפיש).

די אלגעמיינע פארזאמלונג פון דער ארגאניזאציע באגריסט די באשטימונג פון צ. ק. וועגן דער מאביליזאציע, דריקט אויס די זיכערהייט, אז דער צ. ק. וועט שטענדיק זיין דער פירער פון צוואנגארד פון אידישן פראלעטאריאט אין די ערשטע רייען פון דער רעוואלוציע. אין דער פערזאן פון אונזערע פרייוויליקע און מאביליזירטע באגרוסן מיר מיט באגייסטערונג דעם רעוואלוציאנערן רוסלענדער פראלעטאריאט, וועלכער פארטיידיקט די אלוועלטליכע פראלעטארישע רעוואלוציע אקעגן דעם אנגריף פון די פוילישע רויבער. די גאנצע ארגאניזאציע ערקלערט זיך אין רשות פון צ. ק. צו ערפילן די פארטייפליכט.

פארזיצער קראסינסקי.

וויטעבסק (טעלעגראפיש).

די באשטימונג וועגן מאביליזאציע איז ערפילט. ס'זיינען מאביליזירט פופצן חברים. צווישן זיי צען פרייוויליקע. פון די פרייוויליקע צוויי מיידליך. א באדייטנדער טייל זיינען פאראנטווארטליכע טוער. דער גובערנסקער קאמיטעט האט פאנאנדערגעשיקט אין ראיאן פארארדנונגען וועגן מאביליזאציע און וועגן דעם, די מאביליזירטע זאלן קומען קיין וויטעבסק צום 28-טן.

האמעל.

דורך א באשטימונג פון דער המלער ארגאניזאציע פון בונד איז דורכגעפירט א צענפראצענטיקע מאביליזאציע אויפן פראנט. אלע מיטגלידער פון דער ארגאניזאציע זיינען איבערגעגעבן אויף קאזארמע פ. ס. ס'איז איינגעפירט א פארשטארקטער מיליטער אונטערריכט.

האמלער קאמיטעט.

קארעספאנדענצן.

האמעל.

דאכט זיך האט זיך גערעכנט פאר איינעם פון די בונדיסטן, ווי די רעכטע האבן געהאט א באדייטנדן איינפלוס. אין אגאנץ גרויסער זעלבסטער שטאדט אין איינער פון אונזערע גרעסטע ארגאניזאציעס. האבן די רעכטע דורכגעפירט פון [illegible] דעלעגאטן אויף דער קאנפערענץ גאנצע 3. אין [illegible] כאראקטעריסטיש די לעצטע געשעענישן אין אונזער ארגאניזאציע. ניט קוקנדיק אויף דער גרויסער ציגרייטונג ארבעט דאס זיך אויסגעלאזן אז די ס. ד. האבן בארימטן אינגאנצן 14 שטימען פאר זייער רעזאלוציע.

דעם פארטראג וועגן דער יאנואר-קאנפערענץ האט געליינט די ח. [illegible], ער האט זיך נאר באגרענעצט מיט דעם פארטראג וועגן דער שפאלטונג פון דער קאנפערענץ צו די אויפגאבן פון „בונד" אין היינטיקן מאמענט. אין די דעבאטן האבן זיך באטייליקט די מיטגלידער פון צ. ק. ח. ח. י. לעווין און א. וויינשטיין אין די נאכטיקער פון דער כ"ד גרופן [illegible] מיטגלידער אין [illegible] דער הויפט [illegible], וועלכער האט זיך געלאזט פיין אין די ארויסרעדונגען פון אונזערע ס"ד וועלכע [illegible] קאנפערענץ, דאס נאצולירן זיין גאנצן גרויסן. ווען זיי האבן זיך אומגעקערט אהיים. מיט א מאן פון א ידיעה דאס ח. ידין ערקלערט. אז ער האבט אז מיר זייען זיך נאך טרעפן אין די רייען פון איין באוועגונג אין אז ער האט אונז נאך נאך סאציאליסטן.

דער [illegible] [illegible], [illegible] זיי, דאס [illegible] ווייזן אז די אינטערעסן פון „בונד" איז מ'זאל די ס. ד. ניט פארפאלגן נאר פארקערט, געבן זיי די פולע מעגליכקייט צו פירן זייער אגיטאציע ווייל ואס ווייטער זיי פירן איר. אלץ וויניקער גרייכנדער בלייבט בא זיי.

צום שלוס פון די דעבאטן געווארט אנגענומען מיט א מערהייט פון 127 קעגן 14 בא 13 אפגעהאלטענע פאלגנדע רעזאלוציע:

אייכהערנדיק דעם באריכט פון די דעלעגאטן פון האמלער ארגאניזאציע אויף דער XII קאנפערענץ פון „בונד" געפינט די אלגעמיינע פארזאמלונג פון דער האמלער ארגאניזאציע אז די באשלוסן פון דער קאנפערענץ אנטשפרעכן אינגאנצן דער שטימונג פון אידישן פראלעטאריאט.

די אלגעמיינע פארזאמלונג געפינט אז די קאנפערענץ וועט האבן די גרעסטע היסטארישע באדייטונג פאר דער ווייטערדיקער רעוואלוציאנערער ענטוויקלונג פון אידישן פראלעטאריאט. די האמלער ארגאניזאציע באגריסט די XII קאנפערענץ און דעם אויסגעקליבענעם צ. ק. און טרעט גלייך צו צום דורכפירן אין לעבן אלע אנגענומענע באשלוסן. די האמלער ארגאניזאציע פון „בונד" רופט די ברייטע אידישע ארבעטער-מאסן צוזאמען מיטן „בונד", אריינטרעטנדיק אין זיינע רייען, פארזעצן דעם ווייטערדיקן קאמף פארן ענטגילטיקן נצחון פון דער קאמוניסטישער ארדענונג.

נאך דעם ווי די רעזאלוציע ווערט אפגעשטימט, ערקלערט דער פארזיצנדער ח. לעווין. אז אויב די וועלכע זיינען גרייט זיך אונטערצוווארפן די באשטימונגען פון קאנפערענץ און דורכפירן זיי אין לעבן קאמף מיט באזונדערע טיילן פון די באשלוסן, זיינען זיי ניט לסכים. קענען בלייבן אין דער ארגאניזאציע. 8 פון די 13 אפגעהאלטענע ערקלערן ווייך אז זיי בלייבן אין ארגאניזאציע און ווארפן זיך אונטער אלע באשטימונגען פון דער קאנפערענץ.

באלד נאך דער פארזאמלונג האבן אנגעהויבן אנ־קומען נאך ערקלערונגען פון אוועקגעגאנגענע. אז זיי בלייבן אין דער ארגאניזאציע. פון די 41 א טייל־געגאנגענע האבן זיך אין משך פון די 3-4 טעג שוין צוריקגעקערט 5 וועלכע האבן ערקלערט. אז זייענדיק ניט אינגאנצן מסכים מיט דער נייער ליניע פון „בונד", ווילן זיי בלייבן מיט די ברייטע אידישע ארבעטער-מאסן, צוזאמען מיטן „בונד" מאכן פעלערן, [illegible] פירן.

דער אוועקגעהן פון די רעכטע האט באפרייט א באדייטנדן טייל פון אונזערע פארטיי-כוחות וועלכע וועלן שוין אויסגענוצט אויף ברייטע פארטיי-ארבעט. מיר טרעטן צו צו א ברייטע אויפקלערונגס ארבעט, וועלכע מיר וועלן פארבינדן מיט די באשטימונגען פון דער קאנפערענץ. אין קלוב איז אויסגעשטעלט א נייע פארוואלטונג, וועלכע איז שוין צוגעטראטן צו ברייטער אין ארדענונג דעם קלוב, אוועקשטעלן אויפן געהעריקן הויך די מוזיקאלישע און דראמאטישע סעקציעס.

אין צוזאמענהאנג מיט דער לאגע אויפן פראנט איז באשטימט גלייך צוצוטרעטן צו מיליטער-לימודים פאר אלע מיטגלידער פון ארגאניזאציע מענער פון 18 ביז 40 יאר. די לימודים וועלן זיך אנהייבן אנ־דויב קומענדיקער וואך. אין געביט פון פארטיי-דיסציפלין איז אויך אנגענומען געווארן א גאנצע רייהע באשטימונגען, וועלכע מאכן אסוף צו אייניקע אונ־נארמאלע מאמענטן וועלכע האבן ביז איצט געהאט אנ'ארט אין אונזער ארגאניזאציע. אין אלגעמיין מוז מען זאגן אז דאס אוועקגעהן פון די רעכטע האט אריינגעטראגן א גאנץ נייע אטמאספער אין דער גאנצער ארגאניזאציע.

די פייערונג פון ערשטן מאי איז דא דורך גלענצענד. קיינע גרויסע מיטינגען זיינען אין דערפארי ניט געווען. די ארבעטער טיילן, די נאראיינען פעגן נאר דורכגעהן דורכן ארבעטס-פלאץ. וועגנדיק באגריסט אדער פון א פארשטעהער פון ר. ק. פ. אדער פון אונזער פארטיי. פון אונזערע האבן באגריסט די ח. ח. א. וויינשטיין, י. לעווין, וו. נאדעל פון „יוגנט-בונד" די שילער פון בונד. נאכמיטאג איז געווען די גרויסע ציפערניאווסקי. פארן נאכט איז איינגעטאן געווארן א קאלאסאלע ארבעט. מיר האבן פארענדיקט די פייערונג מיט א גראנדיעזן פאקל-ציכינג אין אונזער ארבעטער-היים. דער זאל איז געווען פארפאקט. מיט רעדעס געווענדעט דער באזוכונג פון 1-טן מאי זיינען ארויסגעטראטן די ח. ח. י. לעווין, א. וויינשטיין, וו. נאדעל א.אנד. דער מיטינג האט זיך פארענדיקט מיט א כבוד נאכל, און אויסגעצייכנטע פון ווראקטיבן קוויז ביים ארבעטער-היים.

וו. נ.

מאסקווע.

די מאסקווער ארגאניזאציע פון „בונד" איז ביז דער XII קאנפערענץ געווען די פעסטונג פון די רעכטע. זי האט זיך אין גאנצן געגעבן אין ווער פון די רעכטע-ליניע. יעדער ווינציק רעכטענדיק זיך ניט ביז די באשלוסן פון דער IX קאנפערענץ, כמעט ביז די רעכטע פון צענטראלן קאמיטעט. און די רעכטע וועלן צום מאסקווער ראט ווען די רעכטע בונדיסטן, ווי אין אלע אנדערע שטעט, גרויסגעמאכט און גרויסגעשטעלט זייערע קאנדידאטן, די מענשעוויקעס. דער מאסקווער „בונד" איז דערביי אין געגנט ניט דורכגעפאלן געווארן. די נאראדנאיע-פאליטיקע פון דער ארגאניזאציע זיינען געווען אין מאסקווער פאראייניקונג און געפירט דורך די לינקע פון קאנצענטראציע. קיין שום איבערט צווישן די אידישע ארבעטער קרייזן פון מאסקווע איז ניט געפירט געווארן. און ס'איז קיין יאוגעדער ניט. וואס די ארגאניזאציע האט פשוט אפגעשטויסן פון זיך פיל לעבעדיקע עלעמענטן.

די באשלוסן צו דער IX קאנפערענץ האבן אויסגעוויזן. אז אפילו אין דער מאסקווער ארגאניזאציע איז ניטא קיין א לינקער עלעמענט. די זייט מאסקווער מאנאפאל זיינען היפש ראנגאציאנירן ווייל ס'איז געווארן גוויין דער רעכטער מערהייט און דער לינקער מינדערהייט.

נאך דער צוועלפטער קאנפערענץ האט די אלגעמיינע פארזאמלונג פון דער מאסקווער ארגאניזאציע מיט א מערהייט פון 38 שטימען מאבלידיזירט זיך מיט דער אויפפירונג פון די רעכטע דעלעגאטן און נאכדעם די רעזאלוציע וועגן אונטערווארפן זיך די באשלוסן פון דער קאנפערענץ. מיר האבן דא ערקלערט, אז לויטן משלום פון דער קאנפערענץ זיינען די אלע מיטגלידער אויסגעשלאסן און די ארגאניזאציע ווי א בונדישע ווערט פאנאנדערגעלאזן.

מיר האבן אויסגעקליבן א צייטווייליקן קאמיטעט פון דריי מיטגלידער (זיכין, כאזאנער און ווייסלער) און 2 קאנדידאטן (כערסאנסקי און לעוויט) און ערקלערט א איבער רעגיסטראציע.

דערווייל זיינען בא אונז פארערגיסטרירט 45 מיטגלידער. דעם 1-טן מאי האבן מיר געמאכט א חברה׳שן אוונט, וועלכער איז דורכגעגאנגען זעהר גוט. מיר האבן אויך דורכגעפירט אן אלגעמיינע פארזאמלונג, וואו מיר האבן אנגענומען א רייע באשלוסן וועגן דער ארבעט. ס'זיינען אויסגעקליבן געווארן עטליכע קאמיסיעס, - אנאגיטאציאנקאמיסיע, א פינאנציאמיסיע, א וועקער קאמיסיע. ס'איז באשטימט צו ארגאניזירן א פארטייאישן קרייז אויף קאנטעקאסטיש באזונדערן זיך מיט פראגן פון אונזער פראגראם.

אין מאסקווע זיינען פאראן פיל אידישע ארבעטער. קיין ארגאניזאציע האט ביז איצט נים געהאט אויף זיי קיין ווירקונג. מיר האפן. אז דורך סיסטעמאטישער אויפגעהאלטענער ארבעט וועלן מיר זיי ביכלאכוויס אריינציען אין פאליטישן לעבן.

סאמארע.

מיט אומגעדולד האבן די סאמארער חברים געווארט אויף א באריכט פון דער קאנפערענץ. אין דער אלגעמיינער פארזאמלונג האבן אנטייל גענומען 34 מיטגלידער. די חברים האבן זיך באציגן מיט גרויס אינטערעס, מיר האבן די פארזאמלונג פארגעזעצט גלייך אויף מארגן. מיר האבן די רעזאלוציעס באהאנדלט אין גאנץ היים דעבאטירט. בא דער אפשטימונג זיינען געווען 12 מיטגלידער. מיט מערהייט פון 21 קעגן 7 בא 1 אפגעהאלטענעם א אין באשטעטיקט געווארן די רעזאלוציעס. איינער פון די קעגנער זי אויף דער אפגעהאלטענע האבן ערקלערט אז זיי בלייבן אין „בונד" אין, נאר איינער האט געמאלדן אז ער גייט ארויס. עס רעגיסטרירן זיך שוין נייע חברים. מארגן ארדענען מיר אין א ארגאניזאציאנס-פארזאמלונג און שבת דעם 8-טן מאי ארדענען מיר איין א עפנטליכן פאסרא: „וועגן דער נייער שטעלונג פון בונד". איך גלויב אז די חברים וועלן איצטער פירן א אינטענסיווע און לעבעדיקע בונדישע ארבעט. כאראקטעריסטיש איז צו באמערקן. אז די פאר סעקציאניסטן. וואס געפינען זיך דא. זוכן שוין א וועג צו פירן א געמיינזאמע ארבעט.

מיט חבר גרוס א. מאגידזאן.

דובראווע.

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואס דער דעלעגאט פון דובראווע, ח' ווינק, האט געפונען פאר מעגלאך צו פארלאזן די 12-טע קאנפערענץ צוזאמען מיט די רעכטע (אמת, ערקלערנדיק, אז ער גייט צו זיי בלויז מיט אינפארמאציאנס-צילן), האט זיך די דובראווער ארגאניזאציע געשטעלט אויף דער פלאטפארם פון דער 12-טער קאנפערענץ. די גרעסטע מערהייט האט זיך סאלידאריזירט מיט אלע אירע באשלוסן. די באמיהונגען פונם אויסגעשלאסענעם וויטעבסקער ס. ד. בראון האבן געבראכט נאר דערצו, אז פון דער פארזאמלונג איז אוועקגעגאנגען א גאנץ קליינער הייפל זיינע געזינוגס-גענאסן.

אונזערע ארויסטרעטונגען האבן ארויסגערופן אין די דובראווער ארבעטער-קרייזן א גרויסן אינטערעס. די רעכטע פירער האבן פילן אפגעשטויסן פון אונזער ארגאניזאציע. מיר זיינען איבערצייגט, אז איצט האבן מיר א סיפן באדן און אונז וועט זיך איינגעבן צו פארברייטערן אונזערע רייען.

ארשע.

אויף דער אלגעמיינער פארזאמלונג, אין וועלכער ס'האבן זיך סך הכל באטייליקט 20 מיטגלידער, איז מיט א מערהייט קעגן 8 באשלאסן געווארן ניט אונטערצוווארפן זיך די באשלוסן פון דער XII קאנפערענץ. מיר האבן די דאזיקע פארזאמלונג פארלאזן, אויסגעקליבן א צייטווייליקן קאמיטעט און אנגעהויבן אן איבעררעגיסטראציע. דערווייל זיינען בא אונז רעגיסטרירט 15 מיטגלידער. אחוץ דעם זיינען פאראן עטליכע אזעלכע, וואס זיינען נייטראל לויט זייערע מיינונגען צו די רעכטע, ווילן אבער מיט זיי ניט גיין און בלייבן דערווייל ניט דא, ניט דארט.

מאהליעוו (טעלעגראפיש) די אלגעמיינע פארזאמלונג פון דער מאהליעווער ארגאניזאציע דעם 11-טן מאי האט מיט א מערהייט פון 18 אקעגן 15 בא פיר אפגעהאלטענע אנגענומען די רעזאלוציעס פון דער XII קאנפערענץ. פון די אפגעהאלטענע האבן 2 געמעלדעט. אז זיי ווארפן זיך אונטער די באשלוסן. עס האבן זיך פארשריבן 4 נייע מיטגלידער.

פארזיצער צינמאן

סעק. ראדישעוויטש.

אינפארמאציע— די מאהליעווער ארגאניזאציע האט געשיקט אויף דער 12-טער קאנפערענץ א רעכטן.

קרעמענטשוג.

אונזער דעלעגאט איז נאך קיין קרעמענטשוג ניט געקומען אבער דא האט זיך אפגעשטעלט ח. ראבינאוויטש (פון בארנאוויטש) און האט בא אונז אפגעגעבן א באריכט פון דער XII קאנפערענץ. די גאנצע ארגאניזאציע איז איינשטימיק מיט די רעזאלוציעס פון דער מערהייט.

קרעמענטשוגער.

ריבינסק (טעלעגראפיש).

די אלגעמיינע פארזאמלונג פון דער ריבינסקער ארגאניזאציע האט איינשטימיק ארויסגעזאגט זיך פאר די רעזאלוציעס פון דער קאנפערענץ.

טאשקענט.

זייענדיק אפגעריסן, ניט וויסנדיק די פאזיציע פון בונד, האט א טייל פון דער ארגאניזאציע געבילדעט א אידישע סעקציע, הגם בלייבנדיק אויף דעם פרינציפ פון ארגאניזאציאנעלער אויטאנאמיע. די איבעריקע האבן געווארט אויף די באשלוסן פון דער XII קאנפערענץ. באקומענדיק די ידיעות וועגן דער קאנפערענץ, האבן מיר די רעכטע ערקלערט פאר אויסגעשלאסן. מיר באגריסן דעם באנייטן בונד.

ארזאמאס.

מיר א גרופע מיטגלידער פון בונד, וועלכע געפינען זיך אין ארזאמאס, באטראכטנדיק די רעזאלוציעס פון דער XII קאנפערענץ, זיינען פולקאם איינשטימיק מיט דער פאזיציע, וועלכע זי האט פארגעלייגט.

אונזערע אויסגאבן

אין צ. ק. פון „בונד" זיינען אנגעקומען נאכפאלגנדע אויסגאבן פון אונזערע יוגנט ארגאניזאציעס:

1) וויטעבסקער קאמיטעט — נאַ-בלעכל (אידיש)

2) כאַלטעסקער יוגנט — נאַ-בלעכל (רוסיש)

3) פענזער קאמיטעט — נאַ-בינגל (אידיש)

באקאנטמאכונג.

דער צ. ק. פון „בונד" גיט צו וויסן אויפן גרונד פון א דורכגעפירטער אויספארשונג, אז דער חבר יעקב זון פון דוד באאום, וואס איז געווען פארטייקט קיין כיביר, האט קיין שייכות ניט צום מיטארבעטער פון ווארשאווער גובערנסקי זשאנדארמען-אפטיילונג יעקב סאמסאנאוו בוים.

פארזיצער א. וויינשטיין.

פארן סעקרעטאר מ. פרומקין (אסתר).

אויסגעשלאסן פון „בונד".

פאר ניט אונטערווארפן זיך די באשלוסן פון בונד זיינען אויסגעשלאסן לויט דער באשטימונג פון דער XII קאנפערענץ: 12 מיטגלידער פון דער ארשער ארגאניזאציע, 39 מיטגלידער פון דער האמעלער ארגאניזאציע, 38 מיטגלידער פון דער מאסקווער ארגאניזאציע, 27 מיטגלידער פון דער בארקאווער ארגאניזאציע, 1 מיטגליד פון דער סמאלענסקער ארגאניזאציע.

רע. אקטאר מ. פרומקין—וויכמאן (אסתר)
ארויסגעבער: צ. ק. פון „בונד"

11-я тип. Моск. Гор. Сов. Нар. Х-ва бив. „Атна" Пахин 13

פרייז 5 ר.

פראלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניקט זיך!
אלגעמיינער אידישער ארבעטער „בונד".

דער וועקער

צענטראל ארגאן פון „בונד" אין ראטן-רוסלאנד

ערשיינט צייטווייליק אין מאסקווע

צייטווייליגער אדרעס פון צ. ק.: Москва, 2 дом Советов кабинет 9 бюро Цекабунда

№ 655
מאסקווע
שבת דעם 12־טן יוני
1920

אדרעס פון רעדאקציע:
2-ой Дом Советов
9-й кабинет.

פארטיי קאנפערענץ פון „בונד" אויף אוקראינע.

דעם [illegible] טן יולי ווערט אין כארקאוו צוזאמענגערופן א פארטיי קאנפערענץ פון בונד אויף אוקראינע.

טאג-ארדענונג:
פאליטישער מאמענט.
קולטור-ארבעט אויף דער אידישער גאס.
באציאונג צו אנדערע פארטייען.
[illegible]
4. יוגנט-בונד.
5. ארגאניזאציאנס פראגן.
6. וואלן.

מאנדאט פון פארשטייערשאפט: 1 דעלעגאט אויף [illegible] מיטגלידער. [illegible] ווערט גערעכנט פאר פולע [illegible].

מיט בריוו, טעלעגראמעס און אנפראגן זיך ווענדן אין הויפט-קאמיטעט פון „בונד" אויף אוקראינע: כארקאוו, [illegible] נומער 3.

מעלדונג.

פון [illegible] אין באריסאוו איז אונז אנגעקומען איינע אין די שרעקליכע שוידערהאפטע בשורה [illegible] באנדעס דערשאסן געווארן דער מיטגליד פון צ. ק.

חבר אלטער [illegible].

די פרטים [illegible] ניט לאנג נאך איבער א [illegible] האפנונג, אז אפשר האט זיך אים דאך איינגעגעבן אנטרינען צו ווערן פון די מערדערס הענט. דער צ. ק. פון „בונד" האט אנגענומען איבעראדנטליכע מיטלען אויף קלאר צו מאכן די זאך אין גאנצן.

די מלחמה.

באריסאוו איז פארברענט אף קויל. אפן ארט פון באריסאוו געפינען זיך נאר רייכנדיקע חורבות און א פאר כאליפעס. מער פון 3000 פרידליכע איינוואוינער, צווישן זיי זקנים, פרויען און קינדער, זיינען אומגעקומען אין פייער. צענטויזנט נפשות זיינען געבליבן אן א דאך, נאקעטע און בארפיסע.

די פאליאקן האבן באמבארדירט א ניט-באפעסטיקטע פרידליכע שטאט, פארוואנדלט זי מיט צינד-באמבעס און שטיקגאזן. זיי זיינען גוטע תלמידים פון ווילהעלם האהענצאלערנ'ס הויפטשטאב, וועלכער [illegible] אנווארפן וואס א גרעסערע אימה אויף די פרידליכע באפעלקערונג.

טויט, פארטיליגונג, אומבאשרייבליכע יסורים און פיין ברענגען די פוילישע פריצים אומעטום וואו זיי [illegible] אומבאשרייבליכע יסורים לאזן זיי נאך זיך אין די שטעט פון וועלכע מ'ווארפט זיי ארויס.

אינטערעסאנט מיט פארשטארקונגען האבן זיי דערווייל באקומען א איבערהאנט אויף א טייל מערב-פראנט. זיי איז דערווייל געלונגען אפצישטופן [illegible] מינסק.

דאס טאר ניט געדויערן לאנג. מיר מוזן אנשטרענגען אלע כוחות און [illegible] דעם שונא. מיר דארפן זיך אומקערן אויף די פאזיציעס וועלכע מיר האבן פארלוירן [illegible] און רוקן זיך פאראויס, צוקלאפנדיק דעם פיינד אזוי, ער זאל ניט קענען [illegible] צונויפזאמלען זיינע קרעפטן.

דער ריסלענדער ארבעטער מוז געדענקען, אז אקעגן דעם דאזיקן שונא דארף מען האנדלען אן שהיות. אז יעדער פארשפעטיגונג איז געפערליך.

די גאנצע באנדע פון אונזערע שונאים ווארט נאר אויף א געלעגנהייט כדי אנצופאלן אויף אונז. האלטן מיר אפ נצחונות איבער די פאליאקן, רוקן מיר זיך פאראויס, דאמאלס ווערן אונזערע איבעריקע שונאים פארזיכטיק; דאמאלס הייבן זיי אן באטראכטן זיך, אז ס'לוינט ניט צו מישן זיך. דאמאלס שרייבט א טייל פון דער פארקויפטער בורזשואזער פרעסע, אז די פאליאקן האבן דאס ניט געדארפט, אז ס'איז א נארישקייט, אז זיי וועלן סיי ווי ניט אויספירן. פארקערט, ווען די נצחונות זיינען אויף דער זייט פון די פאליאקן, דאמאלס צוברענגען זיך די אפעטיטן בא די רויבער פון וועלטקאפיטאל. דאמאלס הייבט מען זיך אן צו שושקען אין די קאבינעטן, דאמאלס הייבן זיי אן פארברייטונגען צו אן אפענער אריינמישונג.

מיר דארפן מיט אונזערע אנטשלאסענע נצחונות איבערצייגן די אנטאנטע-לייט, אז דער געשעפט פון שטיצן די פוילישע אוואנטורע איז ניט קיין גוטער, אז ס'לוינט ניט.

לאמיר אויך אפגעבן דעם פראנט דער מאטעריעלער און גייסטיקער פארשטארקונג פון אונזער ארמיי. לאמיר אלץ טאן פאר אונזער נצחון איבער די פוילישע פריצים.

מיר וועלן ארבעטן פון אונזער זייט, פון יענער זייט האבן מיר גרויסע העלפער, אמת'ע געטרייע בונדעסגענאסן. די ענגלישע ארבעטער זיינען פעסט אנטשלאסן ניט צו לאזן פון ענגלאנד קיין געווער, אמוניציע און מענטשן פאר דער פוילישער ארמיי. די שטארקסטע און ווירקונגס-פולסטע פראפעסיאנעלע פאראייניגן האבן זיך געשטעלט די אויפגאבע אראפצורייסן די הילף, וואס די ענגלישע בורזשואזיע גיט פוילן. אין אנדערע לענדער קומען פאר דעמאנסטראציעס פון ארבעטער אקעגן דער הילף די פאליאקן. אפילו דער בורזשואזער לאגער איז שוין ניט אזוי אייניק ווי פריער. א טייל פון דער מערב-אייראפעישער בורזשואזיע האלט אויפריכטיק דעם פוילישן אויספאל פאר א ווילדן, משוגענדיקן און שעדליכן, און זאגט זיך גאנץ קלאר ארויס אקעגן די טרייבערייען פון זייערע רעגירונגען אין דעם פרט.

די פוילישע ארבעטער הויבן אלץ העכער און העכער אויף זייער רעוואלוציאנערע שטים. די ברייטע פראלעטארישע מאסן פון פוילן טרעטן אלץ קלערער און אפענער ארויס אקעגן דער מלחמה, וועלכע [illegible] אפילו די סאציאל-פאטריאטישע פ. פ. ס. אפצוטרייסלען זיך פון דער מלחמה-פאראנטווארטליכקייט [illegible] מלחמה-[illegible].

די מלחמה האט ניט הינטער זיך אפילו די גאנצע פוילישע בורזשואזיע. די פריצים גייען [illegible] פון די ראטן מאכט [illegible] צום-פיינד. דער אידעאלאג פון דער מלחמה איז יענע פוילישע נאציאנאליסטישע קליינבירגערליכע אינטעליגענץ, וועלכע האט יארצענדליגער לאנג פארסמט די נשמה פון פוילישן פאלק מיט דעם ווילדסטן שאוויניזם. די גרעניצן פון 1772 יאר, די פאנטאזיעס וועגן פוילן פון ים צו ים. די אלע זאכן דארפן פארשיכורן די פוילישע מאסן און [illegible] בא די שאוויניסטישע פירער.

די פוילישע בורזשואזיע אלס אזעלכע איז מיט דער מלחמה גאר ניט באגייסטערט. וואלט זי געגלייבט, אז מ'קאן פארניכטן די ראטן-מאכט, וואלט זי אפשר געזאגט: „מהיכא תיתא". אבער אין דעם גלויבט זי ניט. זי איז צו [illegible], און זי ווייס אין זאך, [illegible] האבן עקאנאמישע באציאונגען מיט רוסלאנד. [illegible] עפענען זיך דעם צוטריט צום פריהערדיקן מארק אין די וועלטליכע בורזשואזיע, וואס איז געווען אין די צייטן פון צארטום גרייט צו קויפן פאר די [illegible] פון פוילישן פאלק [illegible] אלע פריווילעגיעס און אלע מעגליכקייטן, וועלכע דער [illegible] ריסלענדער בורזשואזיע. [illegible] ווייניק התפעלות פאר די שאוויניסטישע [illegible] פון דער קליינבירגערליכער אינטעליגענץ און זאגט דאס גאנץ אפן ארויס. די [illegible] ניט אונטערשטיצט אפילו פון דער נאציאנאל-דעמאקראטיע, וועלכע איז די פארטרעטונג פון דער אינדוסטריעלער און האנדלס-בורזשואזיע, וואס שטרעבט צו עקאנאמישע באציאונגען מיט רוסלאנד.

נאכאמאל, מיר זיינען ניט אליין. מיר האבן העלפער פון יענער זייט. לאמיר נאר זיי נעהעריק ערפילן אונזער חלק ארבעט. לאמיר זיי נעהעריק [illegible] אויפן פוילישן אנגריף. לאמיר זיי צוקלאפן פון אונזער זייט, און פון הינטן וועט מען זיי באזונדער קלאפן.

אלע כוחות דעם פראנט. אלע כוחות דער ארגאניזאציע פון נצחון. אלע כוחות אקעגן די פוילישע פריצים. אלע כוחות אויף צוקלאפן זיי און באפרייען די פוילישע ארבעטנדע מאסן פון זייער יאך, און די סאציאלע רעוואלוציע פון א געפערליכן שונא.

נידער פוילן פון פריצים און קאפיטאליסטן!
זאל לעבן פוילן פון ארבעטער און פויערים!

שטריכן.

1. בעלי-תשובה.

א שטילער קלאפ אין טיר און אין 9-טן קאבינעט פון צווייטן ראטנהויז גייט אריין ער, דער בעל-תשובה. מערסטנטייל איז ער אן ארבעטער פון פוילן אדער ליטע, וואס דער גורל האט אים פארווארפן אין מאסקווע. אויף דער פראגע וואס ער פארלאנגט, בעט ער שעמעוודיק, אראפגעלאזט די אויגן א [illegible] נומער „וועקער". ס'האט זיך אים, זאגט ער, פארבענקט נאכן „בונד", נאך זיין אלטן, געטרייען, ליבן פריינד און חבר, דעם „בונד".

ביז דער 12-טער קאנפערענץ האט ער ניט געקאנט גובר זיין זיין שטרעבן צו טאט. ווארטן ביז דער 12-טער קאנפערענץ? א, דאס לעבן שפרייזט איצטער מיט אזעלכע גרויסע זיבן מייליקע טריט פאראויס אזוי, אז אויך אים האט עס פארכאפט און מיטגעשלעפט מיטן שטראם. און ער איז מיטגעגאנגען, מיטגעצויגן געווארן מיטן לעבן.

אבער אינעווייניק, בא זיך אין הארצן, איז ער געבליבן טריי זיין ערשטן דערציער, זיין ערשטן יוגנט-פריינד, זיין ערשטן קאמף-חבר, זיין „בונד". און איצט, ווען די 12-טע קאנפערענץ האט א [illegible] געמאכט צו אלע וואקלענישן און ספקות און אפגעטרייסלט פון זיך די שווער באוועגליכע, [illegible] וואס האבן זיך געפלאנטערט צווישן די פיס, און האט פריי און ברייט פאנאנדערגעשפרייט זיינע פליגלען, און אין זיינע אדערן האבן גיכער גענומען פליסן און שפילן יוגנט בלוטן, און פעסט און אנטשלאסן זיך באהעפט צום לעבן, צום קאמף, האט אין אים גובר געווען זיין בענקעניש נאך זיין יוגנט-פריינד, וועמען ער האט צוריק געפונען.

ער באדארף גארנישט, נאר א נומער „וועקער". אבער באקומענדיק שוין דעם נומער „וועקער" גייט ער נאך אלץ ניט אוועק: ער לייגט לאנגזאם צונויף די ציטונג און שטייט. נו, יע, ער באדארף גארנישט. ער וויל נאר זאגן, אז ער איז געווען אין „בונד" כמעט פון ערשטן טאג אן. א, ער געדענקט נאך גאנץ גוט די אלט-באקאנטע חברים פון „בונד". ער האט זיך מיט זיי געטראפן אין מינסק, ווילנע, ווארשע, לאדז. אים געדענקט זיך, ווי היינט וואלט עס געווען, ווען ס'האבן געשטרייקט די ארבעטער פון ווארשע און דער חבר X איז דאמאלסט געווען באהאלטן טאקע בא אים אין שטוב. און די חבר V איז נאך אלץ קאמפס לוסטיק ווי פריער? נו, יע, ער האט אנדערש ניט געטראכט. וואס?! דעם חבר X האט מען געשאסן? עס גלויבט זיך קוים.

א טרויער-וואלקן באווייזט זיך אויף זיין פנים. ער לאזט נאך נידעריקער אראפ דעם קאפ. אין דער מינוט דערמאנט ער זיך, אז ער דארף ערגעץ זיך איילן. ער ווענדט זיך צום סעקרעטאר, ער זאל אים ארויסגעבן א נייע מיטגלידס-קארטע. אויף דער פאדערונג פון סעקרעטאר צו באווייזן די אלטע קארטע דערמאנט ער זיך, אז ער איז שוין מער ניט אין „בונד". ער ווערט אויף א ווייל א רויט-פארשעמט, נאר ער פארכאפט זיך גלייך און... נעמט דעם נומער „וועקער", באהאלט אים אין בוזים-קעשענע און גייט ארויס. באם ארויסגיין פרעגט ער אין דערשטיל וואו דער מאסקווער קאמיטעט פון „בונד" געפינט זיך.

און אזוי קומען זיי, די בעלי-תשובה, די צעזייטע און צושפרייטע קינדער פון „בונד" צוריק.

און „אויף דעם ארט וואו בעלי תשובה שטייען, קאנען קיין עכטע צדיקים ניט איינשטיין".

אלע, וואס זיינען צעזייט און צעשפרייט, צוזאמען, צוזאמען! די פאנע איז גרויס!

א. סטרעליץ.

אידישע קאמוניסטישע באראטונגען.

מיטוואך דעם 20-טן מאי איז אין מאסקווע פארגעקומען א באראטונג וועגן אידישע קולטור-ארבעט. ס'האבן זיך באטייליגט: דער אידישער קאמיסאריאט, די אידישע אינטעראפטיילונג בא דעם בילדונגסקאמיסאריאט, דאס צ. ב. פון די קאמוניסטישע סעקציעס, דער צ. ק. פון בונד, דער צ. ק. פון די פאראייניקטע און איינצעלנע מיטגלידער פון צ. ק. פון דער קולטורליגע, וועלכע געפינען זיך איצט אין מאסקווע. ס'איז אויך איינגעלאדן געווארן דער צ. ק. פון די קאמוניסטן פועלי ציון, נאר [illegible] האבן זיי זיך ניט באטייליגט.

נאך א באריכט פון דער אידישער אפטיילונג, געגעבן דורך חבר [illegible], האבן זיך ארויסגעזאגט פארטרעטער פון אלע באטייליקטע ארגאניזאציעס און ס'איז קלאר געווארן, אז עס באשטייען ניט קיין שום פרינציפיעלע מיינונגס-פארשידנהייטן וועגן דער ארבעט און ארבעטספארמען אין געביט פון אידישער קולטור. ס'איז איינשטימיק אנגענומען געווארן פאלגנדע רעזאלוציע:

די באראטונג קאנסטאטירט, אז צווישן די באטייליקטע פארטייען און אינסטיטוציעס עקזיסטירט ניט קיין שום פרינציפיעלע מיינונגס-פארשידנהייט וועגן דעם, אז ס'האט זיך געשאפן די אביעקטיווע מעגליכקייט צו פארווירקליכן אין דער אידישער קולטור-ארבעט דעם ריינעם פרינציפ פון דער קאמוניסטישער בויאונג, וועלכער דריקט זיך אויס אין [illegible] צו דער [illegible] מלוכה-שאפונג [illegible], וועלכע קען אין געביט פון דער אידישער קולטור געפינען זיין אויסדרוק אין פארם פון אידישע ראטן פאלקסבילדונג.

די אידישע בילדונגסאפטיילונג באם פאלקס-קאמיסאריאט פאר בילדונג דארף שטעלן פאר א צענטראלע אויפגאבע אויף די ערטער צו באשאפן אזעלכע ראטן אין זייערע [illegible] פאראייניגונגען אין פארם פון צוזאמענפארן.

די באטייליקטע פארטייען און אינסטיטוציעס נעמען אויף זיך די פארפליכטונג צווישן די אידישע ארבעטער א ברייטע ארבעט אויף אויפצוציען דעם אינטערעס צו דער אידישער קולטור-בויאונג און ארויסרופן זייער אקטיוויטעט און איניציאטיוו אין דעם געביט.

מיט דעם ציל דארפן די אידישע בילדונגסעקציעס אין די באטייליקטע פארטייען באשאפן שטאטישע, אויעזדנע, גובערניאלע און צענטראלע באראטונגען און קאנפערענצן, צוזאמענגעשטעלט פון פארטרעטער פון פראפעסיאנעלע פאראייניגונגען, קאמוניסטישע אידישע ארגאניזאציעס, פראלעטארישע קולטור-ארגאניזאציעס און פון דער ארבעטער-יוגנט, וועלכע זאלן פארווירקלען די דאזיקע איניציאטיווע און צייטווייליק ערפילן בא די סעקציעס די פונקציעס פון די קומענדיקע ראטן.

דער אידישער בילדונגסצענטער אין מאסקווע דארף פארשטארקט ווערן דורך קרעפטן, אויסגעטיילט דורך די קאמוניסטישע אידישע ארגאניזאציעס.

די באטייליקטע פארטייען נעמען אויף זיך אנצוווענדן אלע באמיאונגען כדי אויסצוטיילן פאר דער מלוכה-אידישער קולטורארבעט סיי אין צענטער אזוי אויך אויף די ערטער דעם מאקסימום קרעפטן, וועלכע זיינען דערצו מסוגל.

פרייטאג דעם 28-טן מאי איז פארגעקומען א צווייטע באראטונג וועגן הילף די קרבנות פון פאגראמען. חברים געקומענע פון אוקראינע האבן געשילדערט א שוידערהאפט בילד פון דעם שרעקליכן יאמער, אין וועלכן ס'געפינען זיך די הונדערטער טויזנטער קרבנות. ס'איז פאראן צענדליגער טויזנטער פאגראם-קינדער, קיילעכדיגע יתומים, די הילף קומט שפעט און איז [illegible]. אין די דיסקוסיעס איז קלאר געווארן, אז די פרובן צו בויען הילף בא דעם קאמיסאריאט פון סאציאלער הילף קענען ניט ברענגען צום ציל, ווייל די ראטנמאכט אויף אוקראינע איז נאך שוואך ארגאניזירט, ווייל די פאגראם-ערטער גייען איבער פון האנט צו האנט און ווייל אזא איבערארדנטליכע צרה פאדערט עקסטרא-מיטלען, וועלכע פאדערן באזונדערע פולמאכטן און א גרעסערע באוועגונגספרייהייט, ווי ס'האבן די אפטיילונגען, אויסגערעכנטע אויף נארמאלע באדינגונגען. די באראטונג איז מיט א גרויסער מערהייט געקומען צום אויספיר, אז מ'דארף ווירקן, עס זאל באשאפן ווערן דורך דער צענטראל-מאכט א אויסערארדענטליכע קאמיסיע פון הילף די פאגראם-קרבנות, מיט ברייטע פולמאכטן. און דאס זאל דורכגעפירט ווערן בהסכם מיט די פעדעראטיווע רעכט פון דער אוקראינישער רעפובליק און ארבעטן אין קאנטאקט מיטן קאמיסאריאט פאר סאציאלע הילף. אויף אויסארבעטן אזא פראיעקט איז אויסגעקליבן געווארן א קאמיסיע פון 4 חברים [illegible] און [illegible].

בנוגע צום אמעריקאנישן אידישן קאמיטעט איז אנגענומען געווארן א באשלוס, אז די הילף פון אמעריקע דארף מען אננעמען און מ'דארף איינגיין אויף דעם וואונש פון די אמעריקאנער, צו דער זאך זאלן צוגעצויגן ווערן געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס. ס'דארף באשאפן ווערן דערצו א ספעציעלער קאמיסיע בא דעם אידישן קאמיסאריאט, וואו ס'וועלן אריינגיין פארטרעטער פון די צענטרען פון די קאמוניסטישע סעקציעס, בונד, פאראייניקטע, קאמ. פועלי ציון, די אידישע אפטיילונג באם בילדונגס-קאמיסאריאט, דער צענטר. קאמיטעט פון דער קולטורליגע און די חברה יעקאפא, ארט און אזע.

פונם שווארצן כוערב צום רויטן מזרח.

[illegible]

נאך א לאנגן ווארטן, וואס האט זיך געצויגן חדשים לאנג, האבן מיר, רוסישע סאלדאטן און בירגער אין דער שווייץ, סוף כל סוף דעם 2 אפריל פארנומען די בשורה, אז דעם 28-טן אפריל פארן מיר ארויס פון דער דעמאקראטישער שווייץ, וועלכע האט די לעצטע צוויי יאר ממש געברענט אונטער די פיס פון רוסישן בירגער, וואס האט ליב זיין סאוועטן-לאנד. ווי א גאולה, ווי דער שופר המשיח האט די דאזיקע בשורה געקלינגען פאר יעדן רוסישן בירגער, וואס האט [illegible] לאנגע חדשים געווארט אויף דעם טאג, ווען ער וועט קענען אריבערטרעטן מיט זיינע אייגענע פיס אויף דעם באדן פון יענעם לאנד, וואס ווערט אזוי הייס געליבט און אזוי שטארק געהאסט אין איראפא.

ט. גאמעראוו.

זאוואד.

[illegible]

זאוואד!
זאוואד!
דו דרייסט א ראד —
ערדן-גרויס,
אין וועלטן שויס.

געשנורס
געגורט און באפלאכטן מיט לעדערנע פאסן
האסט רעדער, מיט פעלדער, מיט גאסן.

אין א מעכטיק וועלטן-ראד
זאוואד
האסט פארקלאמערט
פארשמידט
פארהאמערט
אי יאמען
אי טאלן
אי פעלזן
אי גריבער
און דאס אלעס,
אלעס, אלעס —
מיט די מענטשן-שטיבער!

ברידער!
פון דיין מעכטיקן גערודער
טרייסלט זיך די גאנצע ערד!
און מיט א שטויס
ווארפסטו ארויס
פון קריגערס האנט די שווערד
די צווינגסט דיין ברייטן ארעם
ווערן געטער
גלייך מיט ווארעם —
צו נישט
און מיסט!

דער גלוס, וואס אין דיין הארצן ברענט
צוברעכט,
צושמעטערט ווי מיט הענט
די וועלט פון קעלט און [illegible]
מיט א קראך.
די פילע פונקען אינם רויך
וואס דיין אטעם
בלאזט אין הויך
שמיט א ברייטן פורפור שליאר
צום הימל!

כ״ו יאנואר 1920.

אברהם וויעוויארקא.

דער שמיד.

(פראגמענט).

ס'האט א פריינד איז ער א שמיד.
שמידט ער ס'אייזן ווען עס ברענט,
ברענט דאס אייזן אין דער צוואנג
אין די האמערדיקע הענט
אנגעשראקן פול מיט כוח,
הויבן אויף דעם האמער הויך,
העכער פון צוגליהטן מוח
און צוריק אראפ
הוק-האק!

בעריש-האריג ברייטעברוסט,
שלייפן אנגעאדערט — שטריק!
האמערט ס'אייזן, און עס שפריצט
פון די אויגן פונקען גליק.
ברענט דאס אייזן אין דער צוואנג,
און דער האמער — קלינג און קלאנג —
קלאפט דערויף זיין קראפט-געזאנג.
פונקען-ריסם,
פייער-שפריץ —

פונקען-ריסם, פייער-שפריץ —
און דער שמידער שמידט און שמידט,
אטעמט הויך און אבגעהאקט
צו דעם טאקט פון האמער-ליד.
שמידער, שמידסט אלץ נאכאנאנד,
וואס שמידסט אויס דיין ברוינע האנד
פון צוגליהטן אייזן-בראנד?
— דיין מארגן,
דיין גורל — —

די סאלדאטן, אנטלאפענע קריגס-געפאנגענע פון דייטשלאנד און פראנקרייך, וואס האבן געלערנט פון זייער נויט און פיין און טראגן אין זייער ברוסט א הייליקן האס צו זייערע באדריקער און א פלאמענדיקע ליבע צום נייעם רוסלאנד, האבן זיך אלע, אויסער אייניקע יחידים און אויסער אייניקע שטארקע חולאים, אפגערופן אויף דער בשורה און פון זייערע לאגערס געאיילט צו די באן-סטאנציעס מיט דעם אומפארפעלשטן, פשוטן ענטוזיאזם פונם פשוטן מענטשן, געאיילט מיט זייערע רעוואלוציאנערע ארגאניזאציאנס-פאנען, אויף וועלכע ס'איז אויסגעמאלט דער האמער און דער סערפ, אין יום-טוב'דיקער שטימונג מיט רויטע צייכנס אין די לאצן. צו די 20 סאלדאטן האבן זיך נאך באהעפט אריבער הונדערט בירגער, וואס א טייל פון זיי איז נמאס געווארן צו זיין פארוואגלט אין דער פרעמד און אנאנדער טייל, וואס האט זיך אנטשלאסן צו פארן קיין רוסלאנד מיט דער כונה צו דינען מיט אלע כוחות דער איינציקער ארבעטער-רעגירונג אין דער וועלט. אריבער צוואנציק מאן מיט הויכער בילדונג, וועלכע האבן זייער בילדונג מייסטנס געגאסן אין דער שווייץ, האבן אויך פארלאזן די דעמאקראטישע שווייץ אויף צו פארן אינם לאנד פון דער דיקטאטור פונם פראלעטאריאט.

די וואס זיינען געבליבן אין דער שווייץ — מענטשן, וואס האבן ליב צו ווארטן, ביז די געשיכטע וועט זיי אפשיילן אן איי אין מויל אריין און וועט זיי איינלאדן צום גרייטן טיש פון א רוהיגן און ארגאנעזירטן רוסלאנד, האבן אונז, די עולי רגל, יעדער אויף זיין שטייגער מקנא געווען. דאס געזעגענען זיך אויפן וואקזאל איז געווען א אויסערסט ווארימער, אפילו די מענטשן פון אנדער לאגער, די ניי-מאדישע בורזשואזע עמיגראנטן — האבן זיך פארביינקט נאך דער רוסישער היים.

מיט פלאטערנדע רויטע פאנען אויף די וואגאנעס (די שווייצער פאליציי האט עס נעביך געמוזט צוזעהן) און מיט ענטוזיאזם אין די הערצער זיינען מיר געקומען קיין באזל, אויפן וועג באגריסט פון ארבעטער און אויף די באן-סטאנציעס פון די אייזנבאנער, וואס האבן זייערע געפילן צו אונז ניט געפונען פאר נייטיק צו באהאלטן.

אין באזל זיינען מיר געשטאנען גאנצע צוויי טעג. די סבה דערפון איז ביז היינט ניט באקאנט. ס'איז זעהר מיגליך, אז דאס איז פארגעקומען צוליב דעם, וואס דייטשלאנד אדער האלאנד אדער ביידע צוזאמען האבן אונז נישט געוואלט האבן פאר געסט אויף זייער טעריטאריע דעם ערשטן מאי; אונזערע סאלדאטן האבן אבער דורך זייער רעוואלוציאנערן אויפפירן זיך א פנים געצוואונגען די שווייץ, וועלכע האט אונז אויך צו ערשטן מאי נישט געוואלט האבן בא זיך, א שטארקן דרוק צו טון אויפן דיפלאמאטישן קנאפ. ווארום דעם 30-טן אפריל אין אווונט האט מען אונז פונ'ם קאראנטין געפירט צום וואקזאל. דא האט אונז די באזלער יוגנט-ארגאניזאציע באגעגנט מיט פאנען און לידער, וועלכע האבן אונזער עולם צויארמט: ס'האט זיך באקומען א העכסט [illegible] דעמאנסטראציע. די געזעצן פון דער שווייצער דעמאקראטיע ערלויבן אפילו דעמאנסטראציעס, אבער אזא אינטערנאציאנאלע דעמאנסטראציע, וואו שווייצער בירגער ווערן זיך מיט „פארשאלטענע רוסן", האט דאס גוטע בירגערליכע געוויסן ניט געקענט פארטראגן. מע האט דעריבער אנגערייצט דעם שווייצערישן קאנוואי, וועלכער האט פארטריבן די יוגנט-ארגאניזאציע און געפרובט זיך צו רייסן די פאן בא אונזערע סאלדאטן. געזיגט האבן סוף כל סוף מיר. די פאנען זיינען געבליבן בא אונז. נאר וואס איינער פון אונזערע סאלדאטן האט באקומען א שטארקע וואונד אין פנים. מיר האבן דערנאך דעם פאל איבערגעגעבן [illegible] קאמפעטענץ, וועלכער האט באדארפט אנגעבן א דיפלאמאטישן פראטעסט.

עלף א זייגער באנאכט זיינען מיר אפגעפארן מיט רעוואלוציאנערן געזאנג און רעוואלוציאנערן מוט, וועלכער איז דורך דעם סכסוך אויפן באזלער וואקזאל נאך געשטארקט געווארן.

אין א פערטל שעה ארום זיינען מיר שוין געווען אויפן באדן פון דער דייטשער „סאציאליסטישער רעפובליק", וועלכע האט אונז אויפגענומען פינקטליך אזוי גאסטפריינדליך, ווי די רעאקציאנערע בירגערליכע שווייץ זי האט זיך מיט אונז גאסטפריינדליך געזעגנט. די סאציאליסטישע רעפובליק האט ארויפגעזעצט אויפן קארק גאנצע 48 זשאנדארמען, וואס האבן געזאלט היטן די רעפובליק פאר אונז. די סכנה איז באמת גרויס געווען: אט אין א פאר שעה איז דער ערשטער מאי און מיר דארפן דורכפארן אזעלכע שטעט ווי פרייבורג, הידעלבערג, ווירצבורג און אחרון אחרון חביב די געבורטס-שטאט פון שיידמאן, די שטאט קאסעל. א האלבע שעה כסדר האבן די זשאנדארמען אונז געוואלט ווייזן, אז פרייסן איז נאך ניט געשטארבן. מיר האבן אבער זיי געגעבן צו פארשטיין, אז זייערע פרייסישע מעטאדן וועלן דא נישט נוצן און אז מיט גוטן וועלן זיי מיט אונז בעסער אויסקומען. זיי האבן זיך געלאזט רעדן און מיר זיינען צום סוף געווארן גוטע פריינד. זיי האבן געשוויגן, ווען מיר האבן אויף אלע באן-סטאנציעס אונזערע לידער געזונגען און באלשעוויסטישע אגיטאציע באם דייטשן עולם געפירט. און אויף דער האלענדישער גרענעץ האבן זיי זיך מיט אונז געזעגנט זעהר פריינדליך; נאך א מעת-לעת האבן זיי זיך אפנים איבערצייגט, אז באלשעוויקעס זיינען נישט קיין חיות און, מי יודע, אפשר איז בא זיי געבוירן געווארן דער געדאנק, אז ווען מענטשן זיינען אזוי

באַגייסטערט פאַר אַן אידייע, מיז דאָך די אידייע זיין א מענטשליכע. זיי האָבן זיך געקלאָגט אויף דער טייערונג, אויפן קליינעם לוין און האָבן בכלל געמאַכט דעם איינדרוק פון מענטשן, וועלכע זיינען אין ענטפער אויף א שווערער שאלה. די סמנים פון א שווערער סאָציאַל-פּאָליטישער שאלה, וואָס ליגן אויף גאַנץ דייטשלאַנד האָבן מיר געקאָנט באַמערקן אויך אין דער וועג איבער דייטשלאַנד. די מענטשן גייען אַרום שווייגנדיק און שייער פאַרטראַכט. די דייטשע [illegible] בעסער האָבן אונז ווייניק באַגריסט און נישט מחמת דעם וואָס זיי פילן אונז נישט מיט, נאָר ווייל [illegible] דער לעבעדיקער מוט. איך קען אזוי גיך נישט פאַרגעסן דעם געזיכטס-אויסדרוק און דאָס קול פון א דייטשן אַרבעטער, וועלכער האָט אויף אונזערע באַגריסונגען און רעוואָלוציאָנערע אויסגעשרייען געענטפערט מיט א שטים און מיט נאָמען פון פאַרטיי[illegible] לינג, מידע געזיכטער, אָפּגעטראָגענע קליידער, פאַרשמירטע וואַגאָנעס, אויסגעטראָגענע [illegible] וועגן. זעלטן ווייזט זיך א צינ[illegible] אין [illegible] קוקן פון איס אַרויס שטאָלצע פּנים ער.

אָפּגעריסן האָט אונז דער אַרויסגעריסן(?) לענדישער פּייזאַזש מיט זיינע דינערע פאַרבן און פאַרצווייגטע קאַנאַלן. דאָ וואַרט א פּאַרט וואָס אַרבעט. און ווען די [illegible] קאָאָפּעראַטיווע האָט [illegible] ווייניק אַנגערייט. דאָ האָט מען אונז אויך באַגריסט ווי געסט. אַרבעטער מיט באַגייסטערונג, בירגער העפליך-קאַלט. אין ראָטערדאַמער האַפן האָט די פּאָליציי אַפילו געפרובט זיך איינצומישן בא אונז די פאָנען. אָבער אונזער [illegible] האָט זיי שנעל געבראַכט צום פאַרשטאַנד אויף פּאָליציי-שפּראַך. האָט מען אונז צוגעפירט צו א ענגלישן רייזשיף מיטן נאָמען „Dongola“. דאָ האָבן מיר צוויי טעג געריטן איפן ים. ס'האָבן אונז דאָ באַגריסט די פאַרטרעטער שעלגונאָוו, אַרענגיקאָוו און פרידמאַן. אויפן שיף האָבן מיר אָפּגעהאַלטן מיטינגען און דאָס שיף-פּערסאָנאַל האָט זיך אינטערעסירט ציגעהערט. כאָטש ס'האָט די שפּראַך נישט פאַרשטאַנען. אינם שיף-פּערסאָנאַל האָבן זיך געפונען סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן אונז מיט געפילן און א סך באַגריסט[illegible].

א וואָך כּסדר זיינען מיר געפאָרן איבערן ים. ווייל מיר האָבן אַנגעריכט ווייגן(?) אונזער ים מאַרשרוט איז געווען ראָטערדאַם - קאָפּנהאַגן - ליבאַוו. מיר האָבן א דורכגעגענגען דעם נאָרד-ים. דעם סקאַגעראַק און דעם קאַטעגאַט. ביז מיר האָבן דערגרייכט דעם אַמאָליקן רוסישן און איצט לאַטווישן האַפן.

דער ליבאַווער האַפן איז טויט, נישט קיין שיף נישט קיין מענטשן, נישט קיין סחורה, פּינקטעליכע(?) האָבן אונז די לאַטווישע סאָלדאַטן, אונזערע שומרים פון אַנפאַנג געוואַרנט אייניגע, אַז זיי לעבט זיך גאָר גוט און אַז די לאַטוויער האָבן שוין אין רוסלאַנד פאַרגעסן. אַז מיר האָבן אָבער זיך מיט זיי נעהענטער באַקענט, האָבן זיי אונז דערציילט, אַז ס'איז זיי זעהר שלעכט. אַז זיי ער לוין פון 100 רובל א חודש קלעקט זיי אַפילו נישט אויף פּאַפּיראָסן. אַז די מלחמה מיט סאָוועטן־רוסלאַנד באַטראַכטן זיי אַלס א קאַמף פון זייער בירזשואַזיע מיטן רוסישן אַרבעטער און פּויער און אַז עס-בן האָבן זיי אַלע יו-איין מענטש בא די וואָלן געשטימט פאַר די יינקע.

דער שלעכטער טראַנספּאָרט האָט אונז אַוועקגעהאַלטן עטליכע טעג. ס'איז אויסגעקומען גאַנצע מעת-לעת צו וואַרטן אויף א לאָקאָמאָטיוו אין מיר האָבן מיט אונגעדולד אַרויסגעקוקט אויף דער שעה. ווען מיר וועלן שוין אַריבערטרעטן די רוסישע גרעניץ אין ראַזנאַוואָסקאַיאַ איז דאָס וואָונ-דער געשעהן. מיט געהויבענע געמיטער און מיט רעוואָלוציאָנערן געזאַנג האָבן מיר באַטרעטן דעם באָדן פון דער אַרבעטער און פּויערן-רעפּובליק. אונזער גרויסער וואונש און אינטימער טרוים איז מקוים געוואָרן.

די באַגעגעניש מיט די אַרבעטער און רויטע אַרמייצעס אויף די באַן סטאַנציעס די לאַנגע שטועסן מיט זיי און די מיטרייזנדע, מיטינגען, וועלכע ס'האָבן די אַגיטפּינקטן אומעטום איינגעאָרדנט, האָבן אונז געמאַכט פאַרגעסן די צרות פון טראַנספּאָרט, געשטאַרקט אונזערע מידע קערפּער און געפרישט די נשמות. מיר האָבן אַלע דערפילט, אַז מיר זיינען אין א נייעם ריסלאַנד. וואָס האָט מיט טויזנטער פיינט צו קעמפן און מיט אַנען שוועריקייטן צו באַזיגן, וועלכעס איז אָבער אזוי פריש און מיט און אין זיין באַגייסטערונג. אַז אַלע אָפּגעלעבטע כּוחות פונם אַלטן באַרבענדן ראַפּיטאַליזם וועלן סוף כּל סוף מוזן פאַרן פאַר זיינע פיס.

אַט מיט דעם געפיל פון גלויבן און עתיד אין מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז אַלע מכשולים אייפן באַ ניי יגנס וועג מוזן באַזייטיקט ווערן און מיט דעם פריבטן געפיל וואָס זאָגט, אַז צווישן די בייער מוזן מיר די פרישע דרויהינדערטס כּוחות, נישט זיין פון די רעצעפּט(?) אַט מיט די געדאַנקען און געפילן זיינען מיר דעם 19 טן מאַי אַנגעקומען קיין מאָסקווע מיט מייארצן מערב אין די רויטע שטאָט פּתח פריערדיקן סוחר.

דריי און צוואַנציק טעג זיינען מיר געווען אין ווייג שייער איז געווען דער וועג. שווער איז אין דאָס לעבן אין דייטשלאַנד, אָבער ס'איז דאָך דער איינער פון דער אַרויסגעהאַלטענע(?) [illegible] האַרץ דאָס האַרץ איז באַפליגלט פון א נייער ייערט אידייע.

באַיר מירסקי

[illegible] מאַסקווע.

א באַריכט: די דעלעגאַציע פון די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס אין ענגלאַנד.

דער מיטינג פון אידישע אַרבעטער צוזאַמען גערופן דורך די מאָסקווער קאָמיטעטן פון איד. אָרג. אַרב. „בונד“ און „פּאָעלי-ציון“. איד. סאָצ. אַרב. פּאַרטיי שיקט א חברשן גרוס די דעלעגאַציע פון ענגלישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס און האַלט פאַר זיין חוב צו זאָגן דורך דער דעלעגאַציע דעם ענגלישן פּראָלעטאַריאַט פאָלגנדעס: דער אידישער פּראָלעטאַריאַט איז איינער פון די בחנית וואָס נעמען אַן אַקטיוון אַנטייל אינם קאַמף פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און אין דער גרויסער סאָציאַליסטישער בויאונגס-אַרבעט, וואָס קומט איצט פאָר אין אונזער ראַטנרעפּובליק אונטער דער אָנפירונג פון דער ראַטנמאַכט.

ראַטנרוסלאַנד לעבט איצט איבער א שווערן מאָמענט. ס'איז דעם מאָמענט פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע. וואָס איז אָר היינט קראַפט איז איצטער דאָס בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטישע פּוילן, אין דעם קאַמף פאַרן זיינען צוויי צדדים: דער פּראָלעטאַריאַט פון פּוילן און די בורזשואַזיע פון דער אַנטענטע מיט די ענגלישע בורזשואַזיע שטיצט מיט אַלע כּוחות דעם אָנגריף פון דער פּוילישער קאָנטר-רעוואָלוציע. די אידישע אַרבעטער האָבן פאַר זייער חוב באַזונדערס אינטערעסירט צו זען, אַז איצט לעמפּס די ראַטנמאַכט קעגן א כיה, וואָס איז איבער אַלעמען אויף א גרויסן ואַם-אַנטיסעמיטישן קראַנקע, וואָס טראָגט די אידישע אַרבעטנדע פּאָגראָמען מיט פון דערנידעריקונג די ענגלישע בורזשואַזיע שפּירט א פאַרטיט מיט טעמפּ אונזער ציוניסטישער בורזשואַזיע, בלויז זיך נעמענדיג אויף זיך די אויפגאַבע צו געבן דעם אידישן פאָלק א זעלבסטשטענדיקע היים אין פּאַלעסטינע. דאָס איז א שפּילקע כּדי צו געווינען די סימפּאַטיע פון דער אידישער בורזשואַזיע אין פּאַלעסטינע און אין ענגלאַנד און פאַרוואַנדלען דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין אַן אָנצאָל פון עקספּלואַטירטע מאַסן.

די איינציקע הילף, וואָס דער ענגלישער פּראָלעטאַריאַט קאָן איצטער שאַפן דעם קעמפנדן פּראָלעטאַריאַט פון רוסלאַנד און דעם אידישן בפרט איז נישט די לאָזונג, די ענגלישע בורזשואַזיע זאָל שטיצן די בריות פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע קעגן דער היסטאָרישער ראַטנמאַכט, וועגט זיך דער גאַנצער ענגלישער פּראָלעטאַריאַט פעסטשטעלן אויף דעם וועג, וועט ער קומען אין פּראַצעס פון קאַמף צו דער העכערער איבערגאַנג, אַז ס'מוז געשטעלט ווערן די היימישע פּראָבלעם פון היינטיקער צייט ביד חזקה אויסגאַנגען צו שטירצן די מאַכט פון בורזשואַזיע. פאַר ווייניקן די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אין צוזאַמען צו די בחנית פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

זאָל לעבן דער קעמפנדער פּראָלעטאַריאַט פון ענגלאַנד!

זאָל לעבן די איינהייט פון אַלע כּוחות פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע!

זאָל לעבן די ראַטנמאַכט אין דער גאַנצער וועלט!

פּאַרטיי לעבן.

אויפן הויפּט-קאָמיטעט פון „בונד“ אין אוקראַינע

דער צ. ק. פון „בונד“ האָט פאַנאַנדערגעשיקט איבער אַלע אָרגאַניזאַציעס פון אוקראַינע פאָלגנדן צירקולאַר-בריוו, כּדי דורכציפירן און לעבן די רעזאָלוציעס פון דער 12(?) טער קאָנפערענץ, וואָס האָט זיך געשטעלט אויף דער קאָמוניסטישער פּלאַטפאָרם, האָט דער צ. ק. קאָנסטרויִרט א צייטווייליקן צוזאַמענגערופן אַן אַלאוקראַינישע בונדישע קאָנפערענץ. הויפּט-קאָמיטעט אויף אוקראַינע. דער פריער עקסיסטירנדער הויפּט-קאָמיטעט פון „בונד“ אין אוקראַינע ווערט פאַנאַנדערגעלאָזן. עס ווערט פאַר-געלייגט אַלע אָרגאַניזאַציעס אין אוקראַינע גלייך אַריינציטרעטן אין באַציהונגען מיטן הויפּט-קאָמיטעט.

דער הויפּט-קאָמיטעט פון „בונד“ אין אוקראַינע אין צוזאַמענגעשטעלט פון די ח״ח יאַנקל לעווין (פאַרזיצער), י. תאומים (געהילף-פאַרזיצער), ל. האַדאַס (סעקרעטאַר), א. כאַריס (קאַסיר), ז. רייטשוק און ל. פישקין. איז שוין צוגעטראָטן צו זיין אַרבעט. ער האָט פאַנאַנדערגעשיקט צירקולאַר-בריוו איבער אַלע אוקראַינער אָרגאַניזאַציעס פון „בונד“ בנוגע אַ ריי פאַראָרדענונגען און באַשלוסן פון ה. ק.

צווישן אַנדערע א באַשלוס וועגן דער צוגרייטונגס-אַרבעט צו דער אַלאוקראַינישער פּאַרטיי קאָנפערענץ וואָס דאַרף פאָרקומען דעם 24-טן יולי אין כאַרקאָוו. אין דער אָנגעמערקטער טאָג-אָרדענונג געפינען זיך די פראַגן וועגן 1) פּאָליטישן מאָמענט, 2) קולטור-אַרבעט אף דער אידישער גאַס, 3) באַציהונג צו אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען, 4) יוגנט-בונד, 5) אָרגאַניזאַציאָנס-פראַגן און 6) וואַלן פון הויפּט-קאָמיטעט. מאַדוס פון פאַרשטייערשאַפט: 1 דעלעגאַט אויף 25 מיטגלידער. ווייניקער פון 25 ווערט גערעכנט פאַר 25.

דער ה. ק. האָט אויך באַשלאָסן אַרויסצוגעבן א וואָכנטליכן פּאַרטיי-אָרגאַן אין אוקראַינע רעדאַגירט פון א קאָלעגיע מיט אַרבעטער.

דער הויפּט-קאָמיטעט וועגדעט זיך מיט אַן אויפרוף צו אַלע אָרגאַניזאַציעס פון בונד אין אוקראַינע דורכצופירן די 10% פּאַרטיי-מאָביליזאַציע פאַרן בערב-פּראָגנט. ער לייגט פאָר צו פירן אַרום דער דאָזיקער מאָביליזאַציע א ברייטע פּאַרטיי-אַגיטאַציע. די מאָביליזאַציע דאַרף געמאַכט ווערן אין איינגן קאָנטאַקט מיט די קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פון אוקראַינע.

ווייטער ווערט אינם צירקולאַר בריוו אָנגעוויזן אויף די גרויסע און וויכטיקע אויפגאַבן, וואָס די 12-טע קאָנפערענץ פון בונד האָט אויפגעשטעלט פאַר אונז. ס'מוזן אָנגענומען ווערן ענערגישע טריט זיי דורכצופירן אין לעבן. די וואָס נישט וויל(?)נדיק מכבים מיט די באַשלוסן פון דער 12-טער קאָנפערענץ וואָרפן זיי זיך ווי נישט אונטער, מוזן ווערן אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי. אין די אָרגאַניזאַציעס מוז איינגעפירט ווערן א שטרענגע פּאַרטיי-דיסציפּלין. די באַציהונגען מיטן צ. ק. און די איבעריקע פּאַרטיי-אָרגאַנען טאָרן נישט זיין „צופעליקע“, נאָר רעגלמעסיקע און שטענדיקע.

א חוץ די איבערגעאויסגערעכנטע זיינען נאָך אָנגענומען געוואָרן איניקע באַשלוסן וועגן דעם איינ-טאָגיקן פּאַרטיי-אָפּצאָל, צוטיילונג פון די אַרבעט און נאָך אַנדערע.

דער ה. ק. איז שוין אַריינגעטראָטן אין באַציהונגען מיט די אָרגאַניזאַציעס פון באַקו, קאַטערינאָסלאַוו, קרעמענטשוג, קאָנאָטאָפּ, לוגאַנסק, מעליטאָפּאָל, אָדעס, פּרילוק, פּאָלטאַווע, ראָמען, יוזאָווקע.

דער ה. ק. געפינט זיך אין כאַרקאָוו, וואָזנע-סענסקאַיאַ, נומר 3.

קאָרעספּאָנדענצן.

פּענזע.

גלייך ווי מיר האָבן ערהאַלטן די רעזאָלוציעס מיט דעם צירקולאַר-בריוו, האָבן מיר צונויפגערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אונזערע מיטגלידער. באַקענענדיק זיך מיט די באַשלוסן פון דער XII קאָנפערענץ פון „בונד“, געפינט די פּענזער אָרגאַניזאַציע, אַז זי איז אינגאַנצן איינשטימיק מיט אַלע באַשלוסן פון דער מערהייט און וועט זעהן ווי ווייט זי וועט גאָר קאָנען דורכפירן אַלע באַשלוסן אין לעבן.

צום ערשטן מאַי האָבן מיר אַרויסגעלאָזן א בלעטל אויף אידיש און אַן אויפרוף אויף רוסיש, וועלכער איז געדרוקט געוואָרן אין דער היגער צייטונג.

מיר האָבן אויך שוין מיטגעטיילט אַז אונזער אָרגאַניזאַציע האָט געשיקט אַלס אינסטרוקטאָר פאַר די אידישע פאָלקסבילדונג אונזערן א חבר. די אַרבעט פאַר א אינסטרוקטאָר איז געווען א גרויסע. מ'האָט געדאַרפט רעאָרגאַניזירן די שולן וועלכע זיינען א צייט געווען פאַרמאַכט. אידישע שולן האָבן מיר פאַרמאַגט דריי. אין יעדער שול פלעגט מען לערנען ליים א באַוואוסטן [illegible] און [illegible] די לערער [illegible] געווען ציוניסטן האָט מען אין געלערנט אויף העב רעאיש. אין די מערהייט [illegible] ריסיפיקאַציאָן, האָט מען אַלץ געלערנט אויף [illegible]

צוליב [illegible] און דער [illegible] זיינען די שולן פאַראַכטע [illegible] טיקן ווינטער האָט מען [illegible] שולן אייפגעעפנט [illegible] האָט מען געוואָרט [illegible] סאָקי פאַר די אידישע קינדער [illegible] מיטן רב בראָש האָבן [illegible] נישט עפענען [illegible] האָבן זיי [illegible] אישע [illegible] די קינדער [illegible] א באַטייטיגונג [illegible] שכר לימוד אין דעם [illegible] פרייאַטע [illegible] פּונקט [illegible] נישט [illegible] זיך צו דער אידישער [illegible] אויסגעפירט האָבן זיי נישט [illegible] נער אַרבעט פון אונזער [illegible] אינסטרוקטאָר איז [illegible] עפענען און [illegible]

אָבער [illegible] פירן [illegible] געגעבן [illegible] מאַנטע [illegible] פאַרס [illegible] די קינדער [illegible] פאַרשטייט [illegible] אַריינטראָגן אין אָרגאַניזאַציע [illegible] נאַציאָנאַל [illegible] אינסטרוקטאָר [illegible] אין די בילדונגס-אָפּטיילונג [illegible] שטימט דעם [illegible] פון [illegible] די [illegible] אָבן אונזער [illegible] פאַר [illegible] פאַרטראַלעטער פון דער בילדונגס-אָפּטיילונג [illegible] זיך געשטעלט [illegible] געשראַנקן [illegible] א פאַרשטייער [illegible] די אַרבעט

[illegible]

מאָהילעוו.

אין מאָהילעוו האָט זיך [illegible] פאַרציגן אין אַריבער [illegible] דערעגאַטן פון אונזער אָרגאַניזאַציע. דער [illegible] אין דער רעכטער [illegible] מאָסקווע כּמעט א [illegible] קאָנפערענץ.

פאַר דעם חודש אין [illegible] די היגע רעכטע מיטגלידער [illegible] דיקע נאַטירליכע [illegible] אין די מערהייט [illegible] דער רעכטער פראַקציע [illegible] קאָנפערענץ, וואָס איז [illegible] צוליב צו פּעליקע כּבית [illegible] א מינדערהייט. אויף דער פאַרזאַמלונג פון דער היגער אָרגאַניזאַציע, דעם 18 טן מאַי איז מיט א מערהייט פון 18 קעגן 1 בא 4 אָפּגעהאַלטענע אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„אויסהערנדיק די באַריכטן וועגן דער XII קאָנפערענץ פון „בונד“, קאָנסטאַטירט די מאָהילעווער אָרגאַניזאַציע פון „בונד“, אַז די 2 טע קאָנפערענץ האָט געמאַכט די פּאָליטישע אייפגירונגען פון דער פּאָזיציע, אויף וועלכער דער „בונד“ האָט זיך געשטעלט אויף דער IX קאָנפערענץ און פון דער רעוואָלוציאָנערער ערפאַרונג פון אידישן פּראָלעטאַריאַט פאַר דעם פאַרגאַנגענעם יאָר; אַז אָנגענומען די פּרינציפּן פון אַלייטערלעכן קאָמוניזם האָט דער „בונד“ געשאַפן פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן אידישן אַרבעטערקלאַס די ברייטסטע מעגליכקייט צו קאָנצענטרירן זיינע כּוחות אין א איינהייטליכער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי און ערעמיט באַשאַפן די נייטיקע באַדינגונגען אויף דורכציפירן די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור אין דער אידישער סביבה.

די מאָהילעווער אָרגאַניזאַציע איז איבערצייגט, אַז אַרום די לאָזונגען פון דער 12-טער קאָנפערענץ פון „בונד“ וועלן זיך קאָנצענטרירן אַלע רעוואָלוציאָנערע כּוחות פון אידישן אַרבעטערקלאַס. די פאָן פון „בונד“ וועט זיי באַגייסטערן אין לעצטן אַנטשיידנעם שטרייט.

לעבן זאָל די אַלוועלטליכע סאָציאַלע רעוואָלוציע.

לעבן זאָל דער טרעגער פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם קאָמוניזם אויף דער אידישער גאַס דער „בונד“.

נאָך דעם אויעקגיין פון די רעכטע, זענען גלייך באַשטעטיקט 3 ייאָרן 8 נייע מיטגלידער. אין מיט א מערהייט פון 26 בא 2 אָפּגעהאַלטענע פון די 4 אָפּגעהאַלטענע זיינען 2 געבליבן אין אָרגאַניזאַציע איז אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדע רעזאָלוציע:

די מאָהילעווער אָרגאַניזאַציע פאַראורטיילט אַנטשלאָסן די שפּאַלטונג, וועלכע די מינדערהייט פון דער 12-טער קאָנפערענץ, צווישן איר אויך דער מאָהילעווער דעלעגאַט ח. בעריאָזקין, האָט אַריינגעטראָגן אין די רייען פון „בונד“, און דריקט אויס איר טיפע איבערצייגונג, אַז אַרום דער אַלטער רומפולער פאָן פון „בונד“ וועלן פעסט שליסן די רייען אַלע רעוואָלוציאָנערע טיילן פונם אידישן אַרבעטערקלאַס.

נישט גרויס איז איצט אונזער אָרגאַניזאַציע. אויך נישט רייך אין כּוחות. דאָך פילט זיך א פעסטער ווילן צום קאַמף, צו אַרבעט. דעם לעצטן יאָר איז צוליב דעם אַנוועזנהייט פון 2 געגנזעצליכע שטרעבונגען אין דער פּאַרטיי, די אַרבעט כּמעט ווי פּאַראַליזירט געוואָרן. א טייל מיטגלידער איז אַוועק אין ר. ק. פּ., א טייל אָפּגעזאָנדערט אין גאַנצן פון פּאָליטישן לעבן. די געוו. בונדאָ-אַנטיילנעמען האָבן געפּרובט שאַפן אין די רייען פון ר. ק. פּ. א אידישע סעקציע. ס'האָט זיך אָבער גאָרנישט אויסגעלאָזט. אין דער אידישער סעקציע זיינען אָפּציעל 50 מיטגלידער. אָבער שוין מער פון א האַלב יאָר, ווי זי ווייזט נישט אַרויס קיינע סימנים פון לעבן. די עטליכע פאַראַנטוואָרטליכע טוער זיינען פאַרשלונגען געוואָרן אין דער אַלגעמיינער אַרבעט און פאַר דער רעוואָלוציאָניזירונג און בילדונג פון די אידישע אַרבעטער-מאַסן איז גאָרנישט געטאָן געוואָרן.

קעמפן מיט דער אַפּאַטיע און יאוש אין די רייען פון דער היגער אידישער אַרבעטערשאַפט, אַריינציען זי אין אַן אַקטיוון אַנטייל אין אַלע זייטן פונם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן, אָט דאָס איז די ערשטע אויפגאַבע פון אונזער נייער אָרגאַניזאַציע. צי איר טעטיקייט באַמערקט זיך שוין א פאַרשטאַרקטער אינטערעס מצד די פאַרשיידנסטע שיכטן. לאָמיר האָפן, אַז אויך בא אונז וועט די 12-טע קאָנפערענץ ברענגען צו א גיכער, אַנטשלאָסענער ענדערונג פון דער געשעפענער לאַגע אף דער אידישער גאַס.

זונטאָג דעם 23 טן מאַי האָבן מיר איינגעאָרדנט אין צענטראַלן אַרבעטער-קלוב א מיטינג אויף דער טעמע: „די 12-טע קאָנפערענץ פון „בונד“ און איר באַדייטונג אין דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג“.

ס'זיינען אַרויסגעטראָטן די ח.ח. פּערל, צינמאַן, יאָפּע און גאָלדשטיין פון די „פאַראייניקטע“. וועלכע האָבן אויסגעפירליך באַלויכטן דעם פּאָליטישן מאָמענט און די אויפגאַבן פונם אידישן אַרבעטער-קלאַס דעם „בונדיזם“ און „סעקציאָניזם“ א. א. וו.

דער מיטינג האָט צוגעצויגן א גרויסן עולם: איבער 400 מאַן, און איז אַדורך זעהר לעבהאַפט.

דעם 24 טן מאַי איז פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אונזער אָרגאַניזאַציע, אף וועלכער ס'איז אויסגעהערט געוואָרן א באַריכט פונם ח. פּערל וועגן דער אַרבעט פון דער קאָנפערענץ נאָכן איינטיילן פון די רעכטע. ס'איז אויך אייגעהערט געוואָרן א מעלדונג פון דעם מיטגליד פון האָמלער גיב. קאָמיטעט פון „בונד“, ח' סעגאַל וועגן דער טעטיקייט פונם גיב. קאָמיטעט אין ס'איז באַשטימט געוואָרן אף צו שטיצן מיט אַלע מיטלען.

די פאַרזאַמלונג האָט באַשטימט איינשטעלן א געוויסע פּאַרטיי דיסציפּלין צוציען די אידישע אַרבעטסלאָזע צו די שאַבעסניקעס און א ריי אַנד. ס'איז איינגעטיילט א קולטור-קאָמיסיע צוזאַמען מיט „פאַראייניקטע“ אף אַנפירן א רעגולערע קולטור-אַרבעט אין אונזער טערמאַן קלוב. אויך אויסאַרבעטן א פּלאַן פון א פּאַרטיי-שול.

צו דער מאָביליזאַציע האָבן זיך, נישט קוקנדיק אף דעם אויסעראָרדנטליכן מאַנגל אין כּוחות געמאָלדן פרייוויליק איניקע חברים. ענדגילטיק וועט די פראַגע באַשלאָסן ווערן די טעג.

קאַדיש.

סמאָלענסק.

סמאָלענסק איז קיין מאָל נישט געווען קיין גרויסער אַרבעטער-צענטער בכלל, און פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג בפרט. דאָך מוזן מיר זאָגן אַז נאָך דער 12-טער קאָנפערענץ האָט אונזער אָרגאַניזאַציע גענומען אַרבעטן זייער אינטענסיוו. אַלע וואָך קומען פאָר אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, מיטינגען, רעפעראַטן א. א. וו.

צום ערשטן מאַי האָבן מיר אַרויסגעלאָזן א בלעטל וועגן דעם פּוילישן אַנגריף אין בא אונז פאַר געקומען אן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער אָרגאַניזאַציע.

דעם פאַרטראָג וועגן דער דאָזיקער פראַגע און איר באַטייטונג פאַר דער ווייסלענדער אַרבעטער באַוועגונג האָט געלייענט דער חבר קאַצנבאַגן, וועגן דער איצטיקער פּראַגע האָבן מיר צונויפגערופן אין אידישן אַרבעטער-הויז דעם 30 טן מאַי א גרויסן מיטינג וועלכער איז דורך מיט גרויס ערפאָלג. ס'איז אָנגענומען געוואָרן א רעזאָלוציע אין וועלכער ס'ווערט בפירוש אָנגעוויזן די באַטייטונג פונם פּויילישן אַנגריף וואָס פאַר א ראָלע ספּילט אין די הענט פון דער אַנטאַנטע, וואָס ווייל איר אויסנוצן פאַר א סאַני טאַרן קאַראַן כּדי די קאָמיוניסטישע באַצילן זאָלן נישט אַריינדרינגען אין מערב אייראָפּע. איבערהויפּט ווערט אָנגעוויזן אין דער רעזאָלוציע די באַטייטונג פונם פּויילישן אַנגריף פאַר די אידישע אַרבעטנדיקע מאַסן פּאָגראָמען, צרות, פּין און אינקוויזיציע, אָט וואָס זיי קאָנען ערוואַרטן בין פּילסודסקי — פּעטליוראָס מחנות.

אין דער רעזאָלוציע ווערט אַרויסגעזאָגט, אַז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט וועט צוזאַמען מיטן רוסישן אָפּגעבן זיינע כּוחות פאַר דער רויטער אַרמיי אין אָפּשלאָגן דעם דאָזיקן אַנגריף.

מיטן אַנטייל פון מיטגליד פונם צ. ק. ה'ענ' גאַ-רעליק איז פאָרגעקומען א צווייטער גרויסער מיטינג אויף דער טעמע: „דער פּאַנאַנס פון דער רעוואָלוציע, דער פּאַנאַנס פון דער קאָנטער-רעוואָלוציע“. דער דאָזיקער מיטינג איז אויך אַריבער מיט גרויס באַגייסטערונג און ס'איז אָנגענומען געוואָרן א רעזאָלוציע כּמעט מיט דעם זעלביקן אינהאַלט. צווישן אַנדערע איז אַרויסגעטראָטן אין דעם דאָזיקן מיטינג א פאַרשטייער פון גיב. קאָמ. פון ר. ק. פּ. אַמיטגליד פון א״ר. צ א. ק. ח. סאַיוטשענקאָ. אויף דער זעלביקער טעמע זיינען פאָרגעקומען מיטינגען אין אַלע פאַבריקן וואו ס'אַרבעטן אידישע אַרבעטער.

אַלע מענער פון דער אָרגאַניזאַציע זיינען מאָביליזירט אין קאָמוניסטישן אָטריאַד. פאַרן פראָנט זיינען מאָביליזירט געוואָרן פינף חברים: 1) עפּשטיין אהרון, 2) פאַרסנאַי מירע, 3) פריידין עקיבא, 4) פייער שטיין אַברהם, 5) גאַרעליק חיים. די חברים עפּשטיין אין פאַרסנאַי פרייוויליג. דעם 30 טן מאַי איז פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער אָרגאַניזאַציע, גענומען די אָפּפאָרנדיקע מאָביליזירטע די פאַרזאַמלונג איז אַריבער מיט גרויס באַגייסטערונג און האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער „שבועה“ און „אינטערנאַציאָנאַל“.

נישט לאַנג האָבן מיר איינגעאָרדנט צום ערשטן מאָל א מיטינג פאַר דער אידישער אַרבעטער-יוגנט א ד. ט. „די אידישער אַרבעטער-יוגנט און דער פּויליש פראָנט“.

ס. ז. קאַצנבאַגן

ריאַזאַן.

חברים.

אין ריאַזאַן איז קיין אידישע אַרבעטער נישטאָ. די עטליכע בונדיסטן-מענשעוויקעס, וואָס זיינען דאָ געווען מיט א פּאָר יאָר צוריק, האָבן גאָרנישט געטאָן און די גרופּקע איז זיך צעפאַלן. איך אַן איינצעלנער בונדיסט, וואָס געפין זיך אין ריאַזאַן, באַגריס פון גאַנצן האַרצן די באַשלוסן פון דער 12-טער קאָנפערענץ. וואָס איך וועל נאָר קענען וועל איך טאָן פאַר דעם „בונד“, וואָס שטייט אויפן ריכטיקן וועג פון אַרבעטערקאַמף.

אַלפּעראָוויטש.

קאַזאַן.

נאָכן באַריכט וועגן דער 12-ער קאָנפערענץ איז אָנגענומען געוואָרן א באַשלוס אַנצווענדן אַלע כּוחות אום דורכצופירן די באַשלוסן פון דער 12-ער קאָנפערענץ אין לעבן. מיר האָבן דורכגעפירט א נייע רעגיסטרירונג. בכלל ווייזט אונזער אָרגאַניזאַציע איצט אַרויס א לעבהאַפטע אַרבעט. פאַר דער צייט זיינען פאָרגעקומען 5 אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען און א גרויסן אידישן אַרבעטער מיטינג וועגן דעם פּוילישן אַנגרייף וועלכער איז דורך מיט גרויס ערפאָלג. פאַר די חברים, וואָס אונזער קאַזאַנער אָרגאַניזאַציע האָט מאָביליזירט איז איינגעאָרדנט געוואָרן א קאָנצערט-מיטינג. דער קאָנצערט איז אַריבער מיט גרויס ערפאָלג בא א געהויבענער שטימונג. די אויד-טאַריע איז באַשטאַנען כּמעט אויסשליסליך פון אַרבעטער. די זאַמל-ליסטן, וואָס דער קאָמיטעט האָט פאַרשפּרייט האָבן אַריינגעבראַכט העכער 15 טויזנט רובל. די געלט ווערט איבערגעגעבן די קאָמיסיע פאַר די רויטע אַרמייער.

מיר זיינען צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן די אידישע אַרבעטער-יוגנט. מיר האָפן צו האָבן ערפאָלג אין דער דאָזיקער אַרבעט. דעם איינטאָגיקן פּאַרטיי אָפּצאָל האָבן מיר דורכגעפירט א געניעם געלט. באַריכט וועלן מיר אייך גיכן צושטעלן.

סעקרעטאַר פון קאָמיטעט י. פ. ה.

יאַראָסלאַוול.

שוין מער ווי צוויי יאָר ווי אונזער בונדישע אָרגאַניזאַציע איז צעפאַלן געוואָרן. אין דער צייט פון ווייסגוואַרדייאישן אויפשטאַנד האָט דער קאָמיטעט אינגאַנצן אויפגעהערט צו אַרבעטן. איצטער איז, א דאַנק א חבר פון ריבינסק, וואָס האָט אונז אָפּגעגעבן א באַריכט פון דער XII קאָנפערענץ, ווייטער באַשאַפן געוואָרן א קליינע אָרגאַניזאַציע (נאָכן באַריכט האָבן זיך פאַררעגיסטרירט 10 מאַן). עס איז אויסגעקליבן געוואָרן א קאָמיטעט פון 3 מאַן און מיר זיינען שוין צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

שבועות איז ארגאַניזירט געוואָרן א אידישער מיטינג אויף דער טעמע: „דער פּוילישער אַנגרייף און די אויפגאַבן פון אידישן פּראָלעטאַריאַט“. דער מיטינג איז אַריבער מיט ערפאָלג. דעם צווייטן טאָג יום-טוב איז אָרגאַניזירט געוואָרן לויט אונזער איניציאַטיוו דעם ערשטן מאָל אין יאַראָסלאַוול, שבת-אַרבעט, וועלכער איז דורכגעגאַנגען מיט גרויס ערפאָלג און באַגייסטערונג. אַנטייל האָבן גענומען א מאַן 45, מ'האָט אויסגעלאָזן ביז 1000 פּוד משא.

אונזער קאָמיטעט איז צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן א קאָמוניסטישן קלוב. ביז איצט האָט אויף דעם געביט זיך געפּרואווט אַרבעטן א גרופּע פּועלי-ציון און געוואָלט אַנרופן דעם קלוב אויפן נאָמען פון באָראָכאָוו. אונזער קאָמיטעט האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם און האָט פאַרגעלייגט באַהילפיג צו זיין אין דער קולטורעלער אַרבעט נור ווען זייער פאָרשלאָג זאָל אָראָפּגענומען ווערן. דאָס האָט געהאַט ערפאָלג און דער קלוב איז געגרינדעט געוואָרן אויפן נאָמען פון קאַרל מאַרקס.

די סעלעגראַם פון צ. ק. האָבן מיר באַקומען. דער קאָמיטעט האָט אים באַהאַנדלט און געקומען צום באַשלוס, אַז דער נור וואָס אָרגאַניזירטער קאָמיטעט האָט נישט די מעגליכקייט דורכצופירן א מאָביליזאַציע, ווייל אַפילו די חברים, וועלכע ווילן פרייוויליק זיך מאָביליזירן, קאָנען מיר אויך נישט אַוועקלאָזן צוליב דעם, וואָס די אָרגאַניזאַציע נויטיקט זיך אין זיי זעהר. דאָך וועלן מיר איינעם געוויס מאָביליזירן און שיקן אין רשות פון צ. ק.

עס איז זעהר נויטיק עס זאָל צו אונז קומען ווער עס איז פון צ. ק. דאָס וואָלט אויפגעלעבט אונזער אַרבעט. אונז געניייער באַקאַנט געמאַכט מיט דעם פּראָגראַם פון ר. ק. פּ. און וואָלט צוגעצויגן די וואַקלדיקע אין אונזערע רייען.

פאַרזיצער פון קאָמיטעט

סעקרעטאַר

וואָראָנעזש.

נאָך דער פאַרבאַלטער פּאַרטיי פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ס'זיינען אײנשטימיק אָנגענומען געוואָרן די רעזאָלוציעס פון דער 12-טער קאָנפערענץ, האָבן מיר געמאַכט אַן אָפענע פאַרזאַמלונג, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 10 טן מאַי. עס זיינען געקומען אויך מיטגלידער פון אַנדערע פּאַרטייען, פון דער סעקציע, פּועלי ציון א. ז. וו. וועלכע האָבן זיך אויך באַטייליגט אין די דעבאַטן. די פאַרזאַמלונג איז דורכגעגאַנגען זעהר לעבהאַפט.

אין אַפּריל מאָנאַט איז אין וואָראָנעזש געקליבן געוואָרן א אידישער שילראַט. אונזער אָרגאַניזאַציע האָט זיך באַטייליגט אין די וואַלן, לויט אונזער פאָרשלאָג איז באַשטימט געוואָרן, אַז צו פּרינציפּיעלע פראַגן זאָלן צינעצויגן ווערן פאַרשטייער פון פּאַרטייען. מיר האָבן אַהין דעלעגירט אונזערן א חבר.

צום ערשטן מאַי האָבן מיר פאַרגעשלאָגן דער פאַרזאַמלונג פון קלוב, מיר זאָלן צוזאַמען מיט דער פּאַרטיי אָרגאַניזירן ערב ערשטן מאַי א גרויסן אַני-באַציאָנס-מיטינג. אונזער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן און מיר האָבן עס דורכגעפירט. אויף דעם מיטינג האָבן מיר געפירט די אידישע אַרבעטנדע, זיי זאָלן אינטער דער פאָן פון „בונד“ באַטייליגן זיך וואָס ברייטער אין דער שבת-אַרבעט פון ערשטן מאַי.

אין אַפּריל אין די ערשטע העלפט מאַי איז בא אונז פאָרגעקומען א זיצונגען פון קאָמיטעט, וואָס ס'זיינען באַטראַכט געוואָרן א ריי פראַגן.

מעלדונגען.

די ח'טע מאַרגאַלין, געקומענע פון האָמליע, ווערט געבעטן אַריינגיין אין רעדאַקציע פון „וועקער“. זיך ווענדן צום חבר סטרעליץ.

צו נחום באַביצקי אין ווילנא, פאַרטאָוווע גאַס, הויז 3 אַלע געזונט. זיין ברודער ליבוש מיט זיין פאַמיליע און וועליע. מאָסקווע, ליאַלין פער. 19.

רעדאַקטאָר מ. פרומקין– וויכמאַן (אסתר)

אַרויסגעבער: צ. ק. פון „בונד“.

31-я тип. Моск. Гор. Сов. Нар. Хоз. быв. „Атиз“ Лялин 19

ייווא/ארכיוו

ייווא/ארכיוו

פּרייז [illegible] ר.

פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט זיך
אַלגעמיינער אידישער אַרבעטערבונד.

דער וועקער

צענטראַל אָרגאַן פון „בונד" אין ראַטן-רוסלאַנד
ערשיינט [illegible] אין מאָסקווע
דער „בונד" אין די פאַראייניקטע אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער-פּאַרטיי
האָבן זיך פאַראייניקט אונטערן נאָמען „אַלגעמיינער אידישער אַרבעטערבונד".

№ 657
מאָסקווע
דאָנערשטאָג, דעם 15 יולי
1920
אַדרעס פון רעדאַקציע:
2-ой Дом Советов,
9-й кабинет

ציטווייליגער אַדרעס פון צ. ק.: Москва, 2 дом Советов кабинет 9 бюро Цекабунда

זאָל לעבן דער III קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל!

דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל.

דעם [illegible] יולי קומט זיך צונויף דער צווייטער קאָנגרעס פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. מיט האָפענונג און באַגייסטערונג, אָבער אויך מיט [illegible] [illegible]

[illegible]

קאָנען נאָר אויך דער פּאַרטעטרישער [illegible] געשריי פון זיינע ברומרשטע אנפירער.

אָבער ס'איז געקומען דער גרויסער טאָג, די זון האָט זיך באַוויזן פון מזרח, דאָס ערשטע שאַלן פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע האָט זיך דערהערט פון רוסלאַנד און די רויטע פאָן פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע [illegible] האָט באַגייסטערט [illegible] „ספּה נקברו" פאַר דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. [illegible]

און ער איז געקומען [illegible] [illegible]

[illegible] א געשענדעטער דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל. אַלע גרויסע מחנות פונם אַרבעטער-קלאַס האָבן אים פאַרלאָזן. און פון אַלע עקן וועלט, פון אַלע לענדער און פעלקער ציען זיך געדיכטע רייען פון באַגייסטערטע און מוטיקע פּראָלעטאַרישע קעמפער צום נייעם היכל צום קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. און דער פייערליכער פּאַראַד, דער אנגעשטרענגטער איבערבליק פון רעוואָליוציאָנערע כחות, וועלכע גייען אין לעצטן שטורם קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, וועט זיין דער צווייטער קאָנגרעס [illegible].

אויך פון אַלע אידישע ישובים וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן פון די שרפות פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, פון די פּאָגראָמען פון דער קאָנטר-רעוואָליוציע ציען זיך מחנות פון אידישע [illegible] וואָס [illegible] שלאַכטפעלד [illegible] צום פּראָלעטאַרישן וועלטשטאַב [illegible] צום קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל צוזאַמען מיטן גאַנצן אַרבעטער קלאַס האָבן אויך ערוואַכט צו א נייעם לעבן פון קאַמף די אידישע אַרבעטער-מאַסן [illegible] „בונד" — און זיי טראָגן זייער געווער אין רשות פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז דער אָרגאַן פונם רעוואָליוציאָנערן ווילן און טאַט פונם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט. ער געפינט זיך אין שטענדיקן שלאַכטסדר און פירט אָן מיטן פּראָלעטאַרישן וועלט-שטורם קעגן דער בורזשואַזיע און איר געזעלשאַפט. זיין שלאַכטסדר האַלט זיך אויף לאַנד-מחנות, אויף קאָמוניסטישע לאַנד-פּאַרטייען, וועלכע נעמען אַרום די אַרבעטער מאַסן פון אַלע פעלקער אין די געגעבענע לענדער. ווייל די פּראָלעטאַרישע וועלט-רעוואָלוציע שלאָגט זיך דורך איר וועג ניט מיט דער הילף פון נאַציאָנאַליסטישער רהניות, וועלכע דאַרף אינם אינטערנאַציאָנאַל באַקומען איר פאַרקערפּערונג אין נאַציאָנאַלע סעקציעס ווי ס'שטעלן זיך פאָר די „פּועלי-ציון" פון אַלע מינים. נאָר דורך דער פּאָליטישן כח פונם אָרגאַנירטן אַרבעטער-קלאַס, וועלכער איז פאַרקערפּערט אינם רעוואָליוציאָנערן-אַוואַנגאַרד — אין די קאָמוניסטישע לאַנד-פּאַרטייען און אָט די לאַנד-פּאַרטייען פאַרנעמט און דאַרף פאַרנעמען זיין געהעריג אָרט אויך די אָרגאַניזאַציע פונם אידישן אַרבעטער-קלאַס. און כדי צו פאַרגרינגערן דאָס אַריינציען אין די רייען פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל די אידישע אַרבעטסמאַסן פון פאַרשיידענע לענדער און מלוכות דאַרף און ס'וועט געשאַפן ווערן אינם אינטערנאַציאָנאַל א באַזונדער אָפּטייל פאַר פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע צווישן דעם צווישנמלוכהשן אידישן אַרבעטערקלאַס און מיטהעלפן צו אויסשמידן בא אים אן איינהייטליכן קאָמוניסטישן ווילן.

ס'קומט דער צווייטער קאָנגרעס פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אַט דער דערהויבענער מאָמענט אין דער סאָציאַליסטישער וועלט-רעוואָלוציע וועט אַרויסרופן די גרעסטע באַגייסטערונג בא די אָרגאַניזאַציעס פון „בונד". ער דאַרף פאַרשטאַרקן זייער רעוואָליוציאָנערן דראַנג אויף די אומפּאַרטייאישע מאַסן. אַלע אונטער די פאָנען פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל דורך די אָרגאַניזירטע רייען פון „בונד".

ב. ס.

זייט געגריסט, חברים פון אַלע לענדער, מיטגלידער פון אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניסטישן קאָנגרעס!

צו דער פּאַרטיי-וואָך פון „בונד".

אונזער פּאַרטייוואָך.

[illegible]

דער „בונד" איז [illegible] קאָמוניזם דאַרפן און [illegible] אַגיטאַציע בשעת דער פּאַרטייוואָך [illegible]. די אַרבעט פאַר צוציִען נייע מיטגלידער אין „בונד". דאָס איז אַן אַרבעט פון באַשאַפן נייע קעמפער פאַרן קאָמוניזם, נייע פאַרטיידיקער פון דער רעוואָלוציע און פון דער ראַטן-מאַכט, נייע סאָלדאַטן פון III קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

ניט צוליב אָפּטיילן די אידישע אַרבעטער פון זייערע ניט-אידישע חברים, ניט צוליב באַשאַפן פאַר זיך א באַזונדער „ווינקל" איז נייטיק דער „בונד". דער „בונד" איז נייטיק, כדי [illegible] פעסטער פאַרבינדן דעם אידישן אַרבעטערקלאַל מיטן רוסלענדער, מיטן אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט.

און דאָס דאַרף זיין די [illegible] פון אונזער פּאַרטייוואָך.

אומפּאַרטייאישער אַרבעטער און אַרבעטערין! איר מוזט זיין פּאָליטיש אָרגאַניזירט. גייט אין „בונד", וואָס פירט אייך צום קאַמף פאַרן קאָמוניזם האַנט בא האַנט מיט אייערע ברידער פון אַלע נאַציעס.

אונזער באַטאַליאָן אין קאָמוניסטישן לאַגער איז דער „בונד".

זאָל לעבן דער קאָמוניזם!

„דער גייסט פון קאָמוניזם“.

„א גייסט טראָגט זיך אַרום איבער אייראָפּע, דער גייסט פון קאָמוניזם.“

אזוי האָבן נאָך מיט 70 יאָר צוריק מאַרקס און ענגעלס קאָנסטאַטירט אינם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“, וועלכער איז געווען א מין „עשרת הדברות“, א סכום פון הייליקע קאַמפסגעבאָטן פאַרן אַלוועלטליכן פּראָלעטאַריאַט.

גאַנצע 70 יאָר זיינען געווען נייטיק, אַז דער דאָזיקער גייסט זאָל זיך אָנקליידן אין לעבעדיקע בלוט און פלייש, ער זאָל פון א רוחניות פון א נביאישן טרוים ווערן א גשמיותדיקער כוח, א ממשותדיקע אָרגאַניזאַציע פון צעשטערן און בויען און איצט טראָגט זיך שוין דער קאָמוניזם ניט אַרום איבער אייראָפּע, ווי א פאַרוואָגלטער גייסט. ער איז שוין א תושב, ער האָט שוין זיין מעכטיק מוטערלאַנד. די רוסלענדישע סאָציאַליסטישע ראַטן-רעפּובליק, דאָס אוואַנגאַרד-לאַנד פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, וואו ער ווערט פאַרקערפּערט אין לעבעדיקע מעשים פון דער צאַפּלדיקער אַלטעגליכקייט; ער האָט זיינע גרויסע שלאַכט אָפּטיילונגען אין געשטאַלט פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס פון אַלע לענדער און פעלקער. ער האָט שוין א אָרגאַניזירנדיקן און אָנפירנדיקן וועלטצענטר — דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אין די דונערן און בליצן פון דער אימפּעריאַליסטישער וועלט-מלחמה, אויף די שלאַכטפעלדער פון מזרח און מערב האָט זיך דעם אַרבעטער-קלאַס אָנטפּלעקט דער גייסט פון קאָמוניזם. באַוואָפנענדיק צוליב אירע אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן די אַרבעטסמאַסן פון אַלע לענדער און פעלקער און פאַקטיש איבערגעבנדיק אין זייערע הענט דעם קאַפּיטאַליסטישן הערשונגס-אַפּאַראַט, האָט די בורזשואַזיע זיי געשטעלט אינם גרויסן נסיון צו אָנטבלויזן דעם אָרגאַנס פון דער מלחמה און צו שאַפן א נייעם אָרגאַנס דעם אָרגאַנס פון דער אַרבעטער רעוואָלוציע.

דער ערשטער האָט אזוי געטון דער אַרבעטער קלאַס פון רוסלאַנד, פון דעם זעלבן רוסלאַנד וואָס [illegible] פון די רעזשיסערן פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה האָט עס געזאָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין א מין אינדיע פון מערב, אין אן עקספּלואַטירטן הינטערלאַנד פאַר די אימפּעריאַליסטישע [illegible]. אָבער אדאַנק דעם העלדישן קאַמף פונם רוסלענדישן אַרבעטער קלאַס, אדאַנק זיינע גרויסע [illegible], וועלכע האָבן זיך [illegible] די פּראָלעטאַרישער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, איז רוסלאַנד אַנשטאָט צו ווערן א פאַרקנעכטעטע קאָלאָניע פונם אימפּעריאַליזם געוואָרן די [illegible] פון דער [illegible] וועלט-רעוואָלוציע.

